לעקסיקאָן
פון יידישן טעאַטער

מאַטעריאַלן געזאַמלט און רעדאַקטירט
פון **זלמן זילבערצווייג**
ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעט
פון **יעקב מעסטעל**.

ערשטער באַנד.

אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער
יידישער אַקטאָרן-יוניאָן אין אַמעריקע.

פאַרלאַג „אַלישבע״

ניו-יאָרק 1931

ליב קאַדיסאָן

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

Lexicon of the Yiddish Theatre

Compiled and Edited by
ZALMEN ZYLBERCWAIG

Assisted by
JACOB MESTEL

Published under the auspices of
THE HEBREW ACTORS UNION OF AMERICA

VOLUME I

New York, 1931

זלמן זילבערצווייג, רעדאַקטאָר

רעדאַקציע־קאָלעגיום:

ראובן גוסקין
דזשין גרינפעלד
ראובן ווייסמאַן
יצחק לעש
יעקב מעסטעל

פאַרלאַגס־קאָמיטעטן:

אמעריקע:

מאַקס געביל, פּרעזידענט
יעקב קאַליך, קאַסירער
טשאַרלס וו. גראַלל, סעקרעטאַר
ראובן גוסקין
דזשין גרינפעלד
סעמיועל גאָלדענבורג
לודוויג זאַץ
דזשוליוס נאַטאַנסאָן
אייב סינקאָף
יאָזעף רומשינסקי
מאָריס שווארץ

פּוילן:

דוד לעדערמאַן
יצחק נאָזשיק
זישע קאַץ

רומעניע:

אייזיק אשכנזי
איציקל גאָלדענבערג
מאָריס זיגלער

ענגלאַנד:

ברוך וויינבערג
יצחק פערקאָף

אַרגענטינע:

יעקב באָטאשאַנסקי
יצחק ברעסט
משה פּלוימבוים

קאָרעספּאָנדענטן:

פאַר ראַטנפאַרבאַנד:

לעאָן דושמאַן

פאַר אויסטראַליע:

סעם פּאָדעם

מיט אַ געפיל פון פרייד און צופרידנקייט גיבן מיר איבער דעם „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“ צו אַלע לייענער פון יידישן בוך און צו אַלע פריינט פון יידיש טעאַטער.

עס איז אַ באַזונדערער כבוד פאַר דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע אין אַמעריקע וואָס אַזאַ בוך איז אַרויס אונטער איר השגחה, ווייל בעת די טעטיקייט פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע באַגרעניצט זיך בלויז אויף די פאַראייניקטע שטאַטען און קאַנאַדע, גלויבן מיר, אַז מיט דעם „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“, וועלכער נעמט אַריין די יידישע טעאַטער-טעטיקייט פון אַלע צייטן און לענדער, האָט די יידישע טעאַטער-יוניע געהאָלפן בייטראָגן איר טייל צו דער אַלגעמיינער קולטור-און קונסט-געשיכטע ביי יידן.

גראַד איצט, ווען דער „לעקסיקאָן“ איז געשאַפן געוואָרן, לעבט איבער דאָס יידישע טעאַטער אַ גרויסן קריזיס. עס איז דעריבער אפשר ניט מעגלעך געווען צו געבן דעם „לעקסיקאָן“ די פולע הילף, וואָס ער פאַרדינט. אָבער די יידישע אַקטיאָרן-יוניע האָט זיך באַמיט מיט אַלע אירע כחות (דורך קוראַזשירן אירע מיטגלידער צו ענטפערן אויף די אַרויסגעשיקטע אַנקעטעס, דורך אַ ספּעציעל געוויילטן פאַרלאַגס-און רעדאַקציע-קאָמיטעט, וועלכע עס איז געגעבן געוואָרן פרייע האַנט צו האַנדלען, דורכן פאַרצווייגן די אַבאָנענטן-אַקציע, א. א. וו.) צו פאַרשנעלערן די דערשיינונג פון דער דאָזיקער אויסגאַבע.

אין נאָמען פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע דריק איך דאָ אויס אַ דאַנק דעם פאַרלאַגס-און רעדאַקציע-קאָמיטעט, ווי אויך אַלע מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן געהאָלפן פאַרווירקלעכן די אידעע פון אַ יידישן טעאַטער-לעקסיקאָן, באַזונדערס אָבער דעם רעדאַקטאָר, מר. זלמן זילבערצווייג, פאַר זיין מי-פולער, פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט אַרום דעם זאַמלען פון אַזאַ רייכן און ווערטפולן מאַטעריאַל פאַר דעם „לעקסיקאָן“, און אויך זיין נאָנטסטן מיטאַרבעטער, אונזער יוניע-מיטגליד יעקב מעסטעל.

ראובן גוסקין,

מענעדזשער פון דער אידישער אַקטיאָרען-יוניאָן

ניו-יאָרק, 17 יאַנואַר, 1931.

פֿאָלגענדיקע פּערזאָנען האָבן אַבאָנירט די לוקסוס־אויסגאַבע פֿון „לעקסיקאָן“ און מיט דעם מיטגעהאָלפֿן צום פֿאָנד אַרויסצוגעבן דאָס ווערק:

צו 500 דאלאר: ראַדיאָ פירמע „ווים“, פּיאַנאָ־פירמע ה. וו. פּערלמאַן.

צו 250 דאלאר: יידישע אַקטיאָרן־יוניע אין אַמעריקע.

צו 100 דאלאר: יעקב בן־עמי, מאַקס געביל, יידישע טעאַטריקל־עליינס, מאָריסאָן און שיף, יעקב קאַליך, יוסף רומשינסקי.

צו 50 דאלאר: מאָריס אייזענמאַן, מישע און לוסי גערמאַן, טשאַרלס גראָל, דר. דעילי, מוני ווייזענפריינד, לודוויג זאַץ, בערנאַרד זעמעל, וויליאַם לאַנדאָ, אהרן לעבעדיעוו, מיכאל מיכאַלעסקאָ, דזשוליוס נאַטאַנסאָן, שרה קאַנער, הערי קראָכמאַלניקאָוו, אַנשעל שאָר, פּרעד שפּיץ.

צו 25 דאלאר: עמיליע אַדלער, צילי אַדלער, סעמיועל אַלטמאַן (באָסטאָן), א. אַלשאַנעצקי, יצחק און מאַניע אַרקאָ, יוסף באַראָנדעס, ראָזעטאַ ביאַלים, בנימין בלאַנק, לעאָן בלאַנק, טשאַרלס בעקער (שיקאַגאָ), זשאַק ברוין (באָסטאָן), מאָריס ברוין (באָסטאָן), לואי גאָלדבערג, נייטאַן גאָלדבערג, ראָזאַ גאָלדבערג, מר. גאָלדהערש, סעמיועל גאָלדענבורג, זינאַ גאָלדשטיין, י. י. גאָלדשטיין, סעמועל גאָלדשטיין, סעמיועל גארפינקעל (באָסטאָן), בעלא גודינסקאַ, פּיטער גראַף, אָסקאַר גרין, ב. י. גרינבערג, נאַטאַן גרינבערג, דזשין און ראָזאַ גרינפעלד, דזשייקאָב דזשייקאָבס, בעטי דזשייקאָבס, חנה און איזידאָר האָלענדער, לואיס הוירשהאָרן, דוד הירש, לואי היימאַן, הערמאַן וואָהל, חזן מרדכי הערשמאַן, בעני וואַלערשטיין, סעמיועל און אסתר וואַלערשטיין, ראָזאַ וואַלערשטיין, פרענק זיידען, יוסף זינגער, פישל זינגער, אַננאַ טאַבאַק, יאָזעף טאַנצמאַן, קלמן יאָוועליר, קלאַראַ יאָנג, בועז יאָנגוויץ, מאַקס יאַנקאָוויטש, יידישער אַרטיסטן־פּאַריין אין פּוילן, ס. לאָהנפעלד, עני לובין און מאַקס באַדין, פעני לובריצקי, אברהם ליטמאַן, עני מעלצער, אַדאַם מעסקא, מאַקס סאַגאַר, מ. סאַקס, וויליאַם סיגעל, נאַטאַן סיד (באָסטאָן), מר. עבעל (שיקאַגאָ), בערנאַרד עלווינג, ראָזאַ עלווינג, אויגען פּאַטראָן, ווילי פּאַסטערנאַק, נייטאַן פּאַרנעס, „פּאָרסייט מאנומענט וואָרקס“, מישע פישזאָן און ווערא זאַסלאַווסקאַ, לואיס פריימאַן, סעם קעסטין, איזידאָר קעשיער און פרוי, שלמה קרויזע, א. ראָבינזאָן, ווילי ראדזשערס (באָפאלא), וויליאַם ראָלאַנד, חזן יוסף שאַפּיראָ, זיגמונד שוואַרץ, מאָריס שוואַרץ, נייטאַן שולמאַן, סאָלאָמאָן שטראַמער און פרוי, ש. שטיינבערג און נעלי קעסמאַן.

מיר זאָגן דאָ אַלעמען אַרויס אונזער דאַנק.

דער פאַרלאַגס־קאָמיטעט.

דער „לעקסיקאָן פֿון יידישן טעאַטער“ איז בלויז אַ רעגיסטראַטאָר פֿון דער טעטיקייט פֿון די פּערזאָנען, וועמענס ביאָגראַפֿיעס ער ברענגט, אָבער ער גיט ניט קיין קריטישן אַנאַליז וועגן זייער טעטיקייט. פֿראַגמענטן פֿון אָנגענומענער קריטיק זיינען געבראַכט געוואָרן נאָר ביי פֿאַרשטאָרבענע, אָדער ביי אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך צוריקגעצויגן פֿון זייער טעאַטער־טעטיקייט.

דער „לעקסיקאָן“ פֿאַרצייכנט בלויז די מעשים, אָבער איז ניט קיין טאַקסאַטאָר, וואָס שאַצט אָפּ די קוואַליטעט פֿון די מעשים, דאָס ווערט איבערגעלאָזט פֿאַרן שרייבער פֿון דער געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער אָדער פֿאַר דער קריטיק. זיי וועלן דאַרפֿן אָפּשאַצן דעם ווערט און באַדייטונג פֿון די געטוענע מעשים. דעריבער טאָר מען בשום אופֿן ניט באַטראַכטן די צאָל שורות פֿון יעדער ביאָגראַפֿיע אַלס די מאָס פֿון ווערט פֿון באַטרעפֿנדן. עס איז באַמיט געוואָרן צו ברענגען וואָס מער אינפֿאָרמאַציע וועגן יעדן איינעם און וואָס מער ביבליאָגראַפֿיע. אַ גרויסע צאָל שוישפּילער האָבן זייער פֿיל מאריך געווען מיט דאַטען, אַנדערע האָבן געהאַט אָדער נישט געגעבן, אָדער זייער ווייניק דאַטען וועגן זייער טעטיקייט. עס איז דעריבער אָפּגעראַטעוועט געוואָרן דאָס, וואָס עס איז נאָר געווען מעגלעך און דער „לעקסיקאָן פֿון יידישן טעאַטער“ וועט זיכער זיין אַן אָנווייז פֿאַר אַלע, וועלכע זיינען פֿאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער, צו היטן פֿון היינט אָן דאַטען, געשיכטלעכע פֿאַקטן און דאָקומענטן.

צוליב דעם אַלוועלטלעכן כאַראַקטער פֿון „לעקסיקאָן“, זיינען אין די ביאָגראַפֿיעס פֿון מאַנכע שוישפּילער, וועלכע שפּילן אפֿשר אין אַלגעמיין אַ קליינע ראָל, אַריינגענומען געוואָרן אויספֿירלעכע דאַטען וועגן יידישן טעאַטער אין זייערע באַטרעפֿנדע לענדער.

כדי דאָס בילד פֿון פֿאַרנעם פֿון יידישן טעאַטער אין דער וועלט זאָל זיין גאַנץ, ווערן דאָ געבראַכט די ביאָגראַפֿיעס און טעטיקייט־רשימות פֿון אַלע, וועלכע ווירקן דירעקט (שוישפּילער), אָדער אומדירעקט (דראַמאַטורגן, קאָמפּאָזיטאָרס, רעזשיסערן א. אז. וו.), אויף דער בינע. דערביי אַנטהאַלטן די ביאָגראַפֿיעס פֿון יענע דראַמאַטורגן, וועלכע זיינען פּראָפֿעסיאָנעלע שריפֿטשטעלער, בלויז אייניקע ביאָגראַפֿישע דאַטען פֿון זייער ערשטן אַריינטריט אין דער ליטעראַטור. פֿון זייער ווייטערדיקער ליטעראַרישער טעטיקייט ווערט אַרויסגעשיילט נאָר זייער דירעקטע טעטיקייט פֿאַרן יידישן טעאַטער.

דער געדאַנק צו שאַפֿן דעם „לעקסיקאָן פֿון יידישן טעאַטער“ איז ביי מיר אַנטשטאַנען מיט פֿיל יאָרן צוריק. קיין גענויע דאַטע קאָן איך ניט אָנגעבן, אָבער איך גלויב, אַז עס וועט שטימען ווען איך וועל באַטראַכטן דאָס יאָר 1914 פֿאַר דער צייט ווען דער געדאַנק איז אויפֿגעשוואומען און דאָס יאָר 1918 ווען דער פּלאַן האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען קאָנקרעטע פֿאָרמען.

עס איז שווער פֿעסטצושטעלן אויב די דירעקטע איניציאַטיוו צו דעם ווערק איז ביי מיר אַרויסגערופֿן געוואָרן דורכן קומען אין באַרירונג מיט די יידישע אַקטיאָרן און פֿילנדיק זייער נעבעכדיקייט, וואָס איז נאָך עלנדער צוליב זייער קורץ, איינטאָגיק לעבן, אָדער ס'האָבן געהאַט אַ געוויסע השפּעה ש. ניגערס „פּנקס“ און די ערשטע אויסגאַבע פֿון זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פֿון יידישער ליטעראַטור“. עס איז מעגלעך, אַז דאָס אַלץ צוזאַמען האָט ביי מיר אַרויסגערופֿן דעם פּלאַן צו שרייבן אַ ווערק, וואָס זאָל געבן אַ בילד וועגן די, וועלכע האָבן געשאַפֿן און אויסגעהאָדעוועט אַ באַדייטנדן צווייג פֿון אונזער קולטור — דאָס יידישע טעאַטער.

פֿון מאָמענט אָבער וואָס איך האָב אָנגעהויבן זאַמלען די מאַטעריאַלן פֿאַר דעם צוועק, האָט זיך דער פּלאַן פֿון דעם ווערק כסדר געהאַלטן אין איין ענדערן, ביז ער האָט אָנגענומען דאָס קאָנקרעטע געשטאַלט פֿון דעם בוך, וואָס ליגט איצט פֿאַרן לייענער.

אין 1922 האָב איך פֿאַנאַנדערגעשיקט אַן אַנקעטע־בויגן צו יידישע שוישפּילער, אָבער מיט אַ זייער קנאַפּער הצלחה. איינזעענדיק די שוועריקייט צו באַקומען ענטפֿערס פֿון די יידישע אַקטיאָרן, האָב איך אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין 1922 אין לאָדזש אַ וואָכנבלאַט „טעאַטער און קונסט“ כדי צו קומען אין אַ דירעקטער פֿאַרבינדונג מיט דער יידישער טעאַטער־וועלט. אין דעם וואָכנבלאַט האָב איך פֿאַרעפֿנטלעכט ביאָגראַפֿיעס מיט די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון יידישע אַקטיאָרן. אָבער צוליב עקאָנאָמישע אומשטענדן, האָט דאָס וואָכנבלאַט זיך געמוזט אָפּשטעלן און ממילא האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס זאַמלען פֿון די ביאָגראַפֿיעס.

צו יענער צייט האָט אַ בערלינער פֿאַרלאַג געפֿירט מיט מיר פֿאַרהאַנדלונגען וועגן אַרויסגעבן מיין געפּלאַנט בוך, אָבער דער פֿאַרלאַג האָט געשטעלט דעם באַדינג, אַז איך זאָל זיך באַנוגנען בלויז מיט אַ לעקסיקאָן פֿון אַקטיאָרן מיט נעמען, פֿון די חשובים. איך האָב דעם פֿאַרשלאַג אָפּגעוואָרפֿן, ווייל אַזאַ בוך איז גאָר עפּעס אַנדערש פֿון דעם, וואָס איך האָב געוואָלט שאַפֿן.

אויף ניי־אַרויסגעשיקטע אַנקעטעס האָב איך באַקומען אַ קליינע צאָל ענטפֿערס פֿון פּוילן און אַ ביסל ענטפֿערס פֿון די יידישע אַקטיאָרן אין אַרגענטינע, צוגעשיקט אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פֿון שריפֿטשטעלער ל. מלאך, וועלכער איז דאַמאָלט דאָרט געווען.

עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז כּדי צו פאַרווירקלעכן די אידעע פון „לעקסיקאָן" מוז איך קומען אין פּ ע ר ז ע נ ־ ל ע כ ן ק אָ נ ט אַ ק ט מיט די יידישע שוישפּילער, באַזונדערס כּדי פון זיי צו זאַמלען דאַטען וועגן זייערע פאַרשטאָרבענע קאָלעגן.

אַזוי ווי אַמעריקע איז ביים היינטיקן טאָג דער גרעסטער אַנלען-פּונקט פון דער יידישער בינע, האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַמעריקע פאַרן צענטער פון דער אויסגאַבע און בין אַהין אָפּגעפאָרן אין סעפּטעמבער 1926. דאָ האָט דער שוישפּילער און דראַמאַטורג מאַקס גאָביל מיר דער ערשטער מיטגעהאָלפן דורכפירן מיין פּלאַן. אַ דאַנק אים האָט דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", אַב. קאַהאַן, מיר געגעבן אַ רעדאַקציאָנעלן-פּאָסטן אין זיין צייטונג אויף אייניקע חדשים, אַז איך זאָל קאָנען זיין אין אַמעריקע און זאַמלען מאַטעריאַלן. נאָך אייניקע וואָכן איז מיר געלונגען צו פאַרשאַפן נאָך אייניקע אָנהענגער פון „לעקסיקאָן" ווי: יעקב קאַליך, יעקב קירשענבוים, דזשין גרינפעלד (פּרעזידענט פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע), און אַ דאַנק ראובן גוסקין (מענעדזשער פון דער אַקטיאָרן-יוניע) איז אויסגעווירקט געוואָרן ביי דער יוניע אַרויסצושיקן (דורך איר רעקאָרדינג-סעקרעטאַר הערשל קויפמאַן) מיין אַנקעטע צו אירע מיטגלידער.

אויך דער יידישער דראַמאַטורגען-ליג האָט, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון זיין סעקרעטער נחום סטוטשקאָוו, אַרויסגעשיקט אַן ענלעכע אַנקעטע.

די יידישע שוישפּילער, וועלכע זיינען שוין אייניקע מאָל אַנטוישט געוואָרן פון ענלעכע אונטערנעמונגען, האָבן פּאָרט, אַ דאַנק דעם הסכּם פון זייער יוניע, זיך געוויסער מאָס אָפּגערופן (פישל זינגער איז געווען דער ערשטער). און אויסער זייערע אייגענע ביאָגראַפיעס, האָבן די שוישפּילער אַנשטאָט די 60 נעמען פון עלטערע אָדער געשטאָרבענע שוישפּילער, וועלכע איך האָב געזוכט אויפן גרונד פון ב. גאָרינס „געשיכטע פון אידישען טעאַטער", מיר צוגעשטעלט די נעמען און טיילווייז אינפאָרמאַציעס וועגן איבער 200 שוישפּילער. דיזאָזיקע צאָל איז שפּעטער פאַרפילפאַכט געוואָרן. באַזונדערס מיטגעווירקט דערצו האָט דער שוישפּילער סידני האַרט, וועלכער האָט מיר איבערגעגעבן דעם איבערגעבליבענעם מאַנוסקריפּט פון דעם פאַרשטאָרבענעם יוסף גראָפּערס אַ רשימה פון יידישע שוישפּילער פון דער וועלט.

אין משך פון 8 חדשים אין יאָר 1927 האָב איך אין מיין וואוין-היים, אין ארץ-ישראל, באַאַרבעט די מאַטעריאַלן, וועלכע כ'האָב מיטגענומען מיט זיך, דורכשטודירט די טעאַטער-אָפּטיילונג פון דער אוניווערזיטעט-ביבליאָטעק אין ירושלים און אָנגעהאַלטן אַ כּסדרדיקע קאָרעספּאָנדענץ מיט פיל יידישע שוישפּילער איבער דער גאָרער וועלט.

אַזוי איז מיר געלונגען אויסצווירקן ביים יידישן אַרטיסטן-פאַריין אין פּוילן, אַז ער זאָל דורכפירן אַ רעגיסטער-בויגן ביי אַלע זיינע מיטגלידער און דאָס מאַטעריאַל דערפון זאָל מיר דינען אַלס ביאָגראַפיעס פאַרן „לעקסיקאָן".

אין אַרגענטינע האָט דער שריפטשטעלער יעקב באָטאָשאַנסקי גענומען אויף זיך די מיסיע צו שאַפן די ביאָגראַפיעס פון די דאָרטיקע יידישע אַקטיאָרן. דערנאָך האָט די זעלבע אַרבעט איבערגענומען דער שוישפּילער יצחק ברעסטאָוויצקי.

אין אַמעריקע האָבן די עלטערע שוישפּילער: צעזאַר גרינבערג, יוסף וויינשטאָק, אַברהם פישקינד, דער זשורנאַליסט יעקב קירשענבוים, גאָלדפאַדענס סעקרעטער יצחק ליבערסקאָ, דער בראָדערזינגער סאָנע שאַפּיראָ, דער טעאַטער-זאַמלער שלום פּערלמוטער און אַ גאַנצע ריי אַנדערע שוישפּילער, צוגעגרייט פאַר מיר אינפאָרמאַציעס וועגן געשטאָרבענע אָדער געוועזענע אַקטיאָרן.

האָבנדיק אויסגעאַרבעט די געזאַמלטע מאַטעריאַלן, בין איך צוריקגעקומען קיין אַמעריקע כּדי צו פאַרענדיקן דאָס זאַמלען פון די מאַטעריאַלן און שאַפן די נויטיקע מאַטעריעלע מיטלען פאַר דער אויסגאַבע. דאָ האָב איך גראָד זיך אָנגעשטויסן אויף דעם שרעקלעכן מאַטעריעלן קריזיס, וואָס האָט זיך זייט דאַמאָלט אָנגעהויבן אין יידישן טעאַטער. עס האָט אויסגעזען, אַז עס איז אין אַזאַ מאָמענט אוממעגלעך עפּעס צו טאָן. אָבער אַ דאַנק דער מיטווירקונג און מיטהילף פון די הה' מאַקס גאָביל, יעקב קאַליך, חיים עהרענרייך, ראובן גוסקין און אייב סינקאָף, האָט זיך אָנגעהויבן די אָרגאַניזירונג פון דער מאַטעריעלער אונטערשטיצונג פאַרן „לעקסיקאָן".

נאָך אַ ניט-געלונגענער קאָנפערענץ, צו וועלכער עס זיינען געקומען זייער ווייניק פון די פאַרבעטענע (און דאָס על פּי רוב נאָר די שוישפּילער פון מאָריס שוואַרצס קונסט-טעאַטער), איז דעם 4-טן יאַנואַר 1928 פאָרגעקומען אַ צווייטע קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס איז געשאַפן געוואָרן דער פאַרלאַגס-קאָמיטעט פון „לעקסיקאָן", אין וועלכן עס זיינען געוויילט געוואָרן: מאַקס גאָביל (פּאָרזיצער), יעקב קאַליך (קאַסירער), טש. וו. גראָלל (סעקרעטאַר) און די הה" ראובן גוסקין, סעמיועל גאָלדענבורג, דזשוליוס נאַטאַנסאָן און אַב. סינקאָף אַלס מיטגלידער.

די יידישע אַקטיאָרן-יוניע האָט דערנאָך (אויפן פאָרשלאָג פון יעקב מעסטעל) אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז דער „לעקסיקאָן" ווערט אַרויסגעגעבן אונטער איר השגחה און אויף מיין בקשה צו באַשטימען אַ רעדאַקציע-קאָלעגיום, וואָס זאָל קאָנטראָלירן די מאַטעריאַלן אין דער גענויקייט פון וועלכע איך בין ניט זיכער, זיינען געוויילט געוואָרן יעקב מעסטעל, ראובן ווייסמאַן, יצחק לעש, ראובן גוסקין און דזשין גרינפעלד.

גלייכצייטיק מיט דער וויטערדיקער זאַמלונג פון די ביאָגראַפיעס און אַנדערע מאַטעריאַלן פאַרן „לעקסיקאָן״, האָט זיך אויך אָנגעהויבן דאָס שאַפן פון דעם בודזשעט פאַרן בוך.

אויף אַ זיצונג פון קאָמיטעט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן לויט וועלכן די אויסגאַבן פון בוך זיינען 13,500 דאָלאַר, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער פּרייז פון בוך זאָל זיין 10 דאָלאַר, אָבער אויסערדעם זאָל דערשיינען אַ דע-לוקס-אויסגאַבע, וואָס זאָל קאָסטן פון 25 דאָלאַר אָן.

דאָס שאַפן פון דעם פאָנד פאַר דער אויסגאַבע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז איך זאָל איבערנעמען די אַבאָנעמענט-אַקציע ביי די יידישע שוישפּילער אין אַמעריקע און ביי פּריוואַט פּערזאָנען איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ און ברייינגען דערפאַר די סומע פון 5,000 דאָלאַר. דער קאָמיטעט ווידער וועט דורך אונטערנעמונגען און דורך שאַפן אַבאָנעמענטן צווישן פּריוואַט פּערזאָנען אין ניו יאָרק שאַפן די אַנדערע 8,500 דאָלאַר.

הגם גאַנץ אָפט האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ נעגאַטיווער שטעלונג מצד געוויסע יידישע שוישפּילער און פּריוואַט פּערזאָנען, וואָס גייען אָן אַלס טעאַטער-ליבהאָבער, איז מיר פאָרט געלונגען אַ דאַנק דער מיטהילף פון דער גאַנצער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע צו שאַפן די באַשטימטע סומע.

אָבער דערצו האָב איך געמוזט האָבן איבערגעבענע מיטהילף פון געוויסע פּערזאָנען, און דאָס איז מיר פולשטענדיק געגעבן געוואָרן פון: לואי גאָלדבערג אין „פּאָבליק טעאַטער״, אָסקאַר גרין אין „האָפּקינסאָן טעאַטער״, ראָזעטאַ ביאַלים און איזידאָר קעשיער אין „מעקינלי סקווער טעאַטער״, נייטען גאָלדבערג אין „פּראָספּעקט טעאַטער״, אַנשעל שאָר און הערי האָכשטיין אין „ליבערטי טעאַטער״, ווילי פּאַסטערנאַק אין „סעקאָנד עוו. טעאַטער״, טשאַרלי קאָהן אין „נעבילס פּיפּעלס טעאַטער״, אברהם טייטעלבוים אין „יידישן קונסט טעאַטער״ און סיימאָן וואָלף אין „נעשאָנאַל טעאַטער״. אין נוואַרק האָט דער דירעקטאָר פון דאָרטיקן טעאַטער בערנאַרד עלווינג אַרויסגעוויזן פיל מיטהילף. אין באָסטאָן האָט דער מיטגליד פון קאָמיטעט פון „לעקסיקאָן״ דזשוליוס נאַטאַנסאָן, וועלכער איז ספּעציעל אַהינגעפאָרן צו דעם צוועק, געלייסטעט פיל מאַטעריעלע מיטהילף צווישן די פריינט פון יידישן טעאַטער. אין קליוולאַנד האָב איך באַקומען מיטהילף פון זשורנאַליסט לעאָן וויזענפעלד. אין שיקאַגאָ האָבן אַרויסגעוויזן אינטערעס שרה פּאַט און יוסף ווײַנשטאָק. אין דעטראָיט האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערס התלהבותדיקע און פּרוכטבאַרע אַרבעט דער דירעקטאָר פון דאָרטיקן יידישן טעאַטער אברהם ליטמאַן. אין באָפאַלאָ האָט געגעבן מיטהילף די וואַלערשטיין-פאַמיליע. אין טאָראָנטאָ האָט מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט א. געלבערג. אין מאָנטרעאַל — ה׳ הערשמאַן. אין עסבורי פּאַרק האָבן מיטגעהאָלפן בייקע און הערי מילבערג. אַ באַזונדערס וואַרעמע שטיצע האָבן די גאַנצע צייט געגעבן די שוישפּילערין עמיליע אַדלער און איר ברודער לואי דעוויסאָן.

אין 1928 האָב איך, אין אינטערעס פון „לעקסיקאָן״, באַזוכט פאָלגנדיקע לענדער: פראַנקרייך, ענגלאַנד, פּוילן, גאַליציע, דייטשלאַנד, רומעניע, עסטרייך און לעטלאַנד, וואו כ׳האָב געזאַמלט מאַטעריאַלן און אויך דורכגעפירט אַן אַבאָנעמענטן-אַקציע. אין מאַנכע שטעט זיינען אויך דורכגעפירט געוואָרן אונטערנעמונגען פאַרן „לעקסיקאָן״, אויף וועלכע איך האָב רעפערירט וועגן דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, אילוסטרירט מיט סצענעס פון יידישן רעפּערטואַר דורך אָרטיקע יידישע אַקטיאָרן. אויך אַנדערע רעדנער האָבן גערעדט מעניני דיומא. דידאָזיקע אָוונטן זיינען אומעטום געווען אַ מאַניפעסטאַציע פאַרן לעבעדיקן יידישן טעאַטער.

אין לאָנדאָן, וואו כ׳האָב אין דער ביבליאָטעק פון בריטישן מוזעאום געזאַמלט דאַטען פאַרן „לעקסיקאָן״, האָבן מיר אַרויסגעוויזן וויכטיקע הילף די ה״ה מאָרים מייער, פּראָפ. פערדינאַנד שטויב, יהודה שאיאַק, ב. ווײַנבערג און יצחק פערקאָף. די לעצטע צוויי האָבן שפּעטער געבילדעט דעם קאָמיטעט פאַר ענגלאַנד. די פריינט פּאָדרוזשניקאָוו און קייזער האָבן פיל מיטגעהאָלפן אין זאַמלען אַבאָנענטן.

אין פּוילן איז אויף אַן אַלגעמיינער קאָנפערענץ פון די יידישע אַקטיאָרן אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו זיין אַקטיוו פאַרן „לעקסיקאָן״ און ס׳איז געוויילט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון די ה״ה דוד לעדערמאַן, יצחק נאָזשיק און זישע קאַץ. דאָ האָב איך אויך אויסגענוצט אייניקע באַזוכן אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט כדי צו פאַרגרעסערן די זאַמלונג פון די מאַטעריאַלן. די מאַטעריעלע לאַגע אין פּוילן האָט געשטערט צו שאַפן אַ געהעריקע צאָל אַבאָנענטן.

אין גאַליציע האָבן אַרויסגעוויזן באַזונדערן הילף פריינט לעאָן ריז און דער אַקטיאָר יהודה גוטמאַן, וועלכער האָט צונעשטעלט פיל דאַטען וועגן די גאַליציאַנער יידישע אַקטיאָרן.

אין רומעניע האָט דער שוישפּילער און דירעקטאָר איציק גאָלדענבערג מיר געגעבן וויכטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן עלטערן דור פון די דאָרטיקע יידישע שוישפּילער. עס איז מיר אויך דאָ, אַזוי ווי אין גאַליציע, געלונגען צו זאַמלען פיל דאַטען וועגן די בראָדער-און-פאָלקסזינגער. הילף אין רומעניע האָבן אויך געגעבן פריינט באַרבן לאַזאַריאַנו, מאַקס ברין, מאָריץ זיגלער און ש. אירים.

אין פראַנקרייך האָבן מיטגעהאָלפן פאַרן „לעקסיקאָן״ הענרי און רעגינאַ לאַכטיגער.

אין בערלין האָב איך, מיט דער מיטהילף פֿון בנימין זוסקין, געזאַמלט די דאַטען פֿון דאָרט גאַסטראָלירנדיקן מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער. דידאָזיקע מאַטעריאַלן זיינען שפּעטער פֿאַרמערט געוואָרן דורכן מיטגליד פֿון דער טרופּע זלמן זילבערבלאַט. ניט קאָנענדיק פּערזענלעך באַזוכן ראַטנפֿאַרבאַנד, איז פֿאַר דאָרט באַשטימט געוואָרן אַלס קאָרעספּאָנדענט לעאָן דושמאַן אין מינסק.

אין לעטלאַנד האָט מיטגעהאָלפֿן דער זשורנאַליסט מ. קיטאַי.

צוריקגעקומען אין ניו-יאָרק דעם 26 יאַנואַר 1929, בין איך צוגעטראָטן צו פֿאַרווירקלעכן דאָס דערשיינען פֿון „לעקסיקאָן“. דאָס רעדאַקציע-קאָלעגיום האָט אָנגעהויבן זיך צונויפֿקומען אויף זיצונגען אויף וועלכע איך האָב פֿאָרגע-לייענט די אָנגעשריבענע ביאָגראַפֿיעס. אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער דאָזיקער אַרבעטס-אופֿן איז ניט פּראַקטיש, דערצו האָבן אייניקע מיטגלידער זיך בכלל קיינמאָל ניט באַטייליקט אין די זיצונגען און זיך באַנוגנט מיט געבן ענטפֿערס אויף געוויסע פֿראַגן, וואָס זיינען זיי געשטעלט געוואָרן. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג האָט צו-געפֿירט דערצו, אַז דאָס רעדאַקציע-קאָלעגיום איז פּאַקטיש באַזייטיקט געוואָרן פֿון דער אַרבעט און קאָלעגע יעקב מעס-טעל איז געבליבן דער איינציקער, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דעם ענין. פֿון אָנווייזן און קאָרעגירן דאַטען אין די ביאָגראַפֿיעס, וואָס זיינען אַלע געשריבן געוואָרן פֿון מיר, איז ער אויך אַריבער צו מאַכן געוויסע ענדערונגען אין סטיל און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן כסדר אַרבעטן געמיינזאַם. זיין אַרבעט איז געטאָן געוואָרן מיט זייער פֿיל גענויקייט און ער פֿאַרדינט ערלעך גערופֿן צו ווערן דער מיטרעדאַקטאָר פֿון „לעקסיקאָן“.

דער פֿינאַנסיעלער קריזיס אין וועלכן דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע איז וואָס אַמאָל מער פֿאַרקראָכן, האָט פֿיל געשטערט צו דער טעכנישער קאָנסטרוקציע פֿון דער אונטערנעמונג. פֿיל מיטגלידער פֿון קאָמיטעט זיינען אַוועק פֿון ניו-יאָרק, אַנדערע זיינען דאָ געווען פֿאַרנומען מיט ענגע יוניע-ענינים. געבליבן זיינען בלויז געציילטע מיטגלידער פֿון קאָמיטעט, וועלכער איז פֿאַרגרעסערט געוואָרן מיט די ה״ה: דזשין גרינפֿעלד, לודוויג זאַץ, יאָזעף רומשינסקי און מאָרים שוואַרץ, אָבער פֿון גאַנצן קאָמיטעט זיינען געבליבן אַקטיוו בלויז יאָזעף רומשינסקי, יעקב קאַליך, אַב. סינקאָף און מאָרים שוואַרץ.

דער קאָמיטעט האָט אַפֿילו געשאַפֿן אייניקע גרעסערע סומען ביי אַבאָנענטן, עס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן 2 אונטערנעמונגען אין ניו-יאָרק און איינע אין אַרגענטינע, אָבער די לאַנגזאַמע טעמפּאָ מיט וועלכער די אַרבעט איז אָנ-געגאַנגען, האָט פֿאַרצויגן דאָס דערשיינען פֿון בוך און אַריינגעצויגן די אויסגאַבע אין מער הוצאות, וועלכע דערגרייכן שוין איצט אַ סומע פֿון איבער 20,000 דאָלאַר.

די עקאָנאָמישע לאַגע האָט אויך געצוואונגען, אַז דער „לעקסיקאָן“ זאָל אַרויס ניט אין איין בוך, נאָר אין עטלע-כע. אין איצטיקן מאָמענט איז נאָך ניט קלאָר אויב דאָס גאַנצע ווערק וועט האַלטן 2 אָדער 3 בענד. אין לעצטן באַנד וועלן אַריינקומען אויסבעסערונגען און הגהות אין די ביאָגראַפֿיעס פֿון די פֿריערדיקע בענד. אויך וועט דאָרט אַריין אַ סופּלימענט פֿון די, וועמענס ביאָגראַפֿיעס זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אין די פֿריערדיקע בענד.

אַזוי זיינען, טראָץ אַלע אָנשטרענגונגען, ניט אַריין אין דעם באַנד פֿאָלגנדיקע ביאָגראַפֿיעס:

אַבעלמאַן בעני, אַבעלמאַן ציפּע, אַדלער הוימי, אַדלער לוטער, „אונזער ווינקל“, „אַזאזעל“, אייכען (דעמבסקי), אַכראָן יוסף, אַנציפּאָוויטש, אַסטראָווסקי אַבאָ, אַפּעלבוים משה, אָקסמאַן ש. א., אָקסענפֿעלד ישראל, אַראָנאָוויטש לואיס, „אַרטיסטיש ווינקעלע“, אָרלאָווסקאַ, אָרסקאַ מרים-רחל, „אררט“, אָרשאַנסקי ב., באָגין שלמה, באַדאַנעס איידאַ, באַנדעראָווסקי, באָריסאָווא (קאָמפּאַניעץ), באָריץ איגנאַץ, בוכבינדער, בורשטין ירחמיאל, בורשטין מיני, ביאַלאַגאָלאָווסקי חיים און פֿרוי, ביבער סענדער, ביעלי ל. ס., בלומענטאַל פֿרידאַ, בענדעל שמואל, בעדאַש דזשעק, בערנשטיין לייזער, בראָדערזינגער סאַנע שאַפּיראָ, בראַז חוה, בראַנדעסקאַ, בראַנשטיין יחזקאל, ברין סאָניע, גאַדינער ש., גאַטי הערי, גאָטליב לעאָן („בצלאל“), גאָלדהאַבער מאָרים, גאָלדענבערג ציליאַ, גאָלדרינג מאָטל און פֿרוי, גאָרבאַרזש, גודעלמאַן ה., גוזיק יאַשאַ, גזשיוואַטש, גינזבורג אַרנאָלד, געלאַדע יצחק, געלבערט רעגינע, גער לאַזאַר, גערמאַן-קאַץ, גראָס-באָרד הערץ, גרינבערג ל., דאָלגאָפּאָלסקי צבי, דאָמב אַדאַם, דאָרפֿמאַן ל., דוואָרקין איידאַ, „דראַמאַטישע קונסט“, האַליטש הדסה, האַס-קעל לעאָנאַרד, האָפֿמאַן אַנעטאַ, האָפּשטיין דוד, האַרט בער, „הבימה“ (יידישע טעאַטער-געזעלשאַפֿט אין טשעכאָסלאָוואַקיע), היילפּערן פֿאַלק, הערבסט לעאָן, וואָלקענפֿעלד טילי, וואַן-ראָזען ראָבערט, וואַסערמאַן, וויטקאָווער פֿישל, ווייסמאַן בערל, ווייסמאַן הערשעל, „ווים׳ט“, ווין איוואַ, ווינאָקור העניע, ווינדער מאיר, ווינטערס אַרטור, ווינטערס פּאָלי, ווינער לייבל, ווינער-זילבערמאַן קערי, וויעוויאָרקאַ אברהם, ווערימע, זאַוואַדניק מאַקס, זאַסלאַווסקאַ מאַניאַ, זיידמאַן מאָרים, זיידע חוה, זילבערג יוכבד, זעמעל, זשוקאָוואַ, זשיטאָמירסקי, זשעלאַזאַ גד.

מאַנכע פֿון די ביאָגראַפֿיעס זיינען אָנגעקומען צו שפּעט, נאָכדעם ווי זייער אות איז שוין געווען געדרוקט. וועגן אַנדערע זיינען פֿאַראַן זייער ווייניק ידיעות און איך בעט דערמיט סיי די באַטרעפֿנדע, סיי די, וואָס האָבן ידיעות וועגן די באַטרעפֿנדע, דאָס צו צושיקן*)

אַלס יסוד פֿאַר דער ביאָגראַפֿישער זייט אָדער כאַראַקטעריסטיק איז ביי אַקטיאָרן גענומען געוואָרן ב. גאָרינס „געשיכטע פֿון אידישען טעאַטער“ און ביי דראַמאַטורגען—זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פֿון יידישער ליטעראַטור“. וואו ס׳איז אָבער נויטיק געווען זיינען אין דידאָזיקע קוועלן געמאַכט געוואָרן אויסבעסערונגען. קיין שום קוועלן פֿון אַנדערע לעקסיקאָנען אָדער ענציקלאָפּעדיעס זיינען ניט באַנוצט געוואָרן, ווייל זיי אַנטהאַלטן ניט קיין נייע דאַטען.

דער „לעקסיקאָן פֿון יידישן טעאַטער“ אַנטהאַלט: די ביאָגראַפֿיעס פֿון אַקטיאָרן, אַקטיאָרן-בדחנים, בראָדערזינגער

און פאָלקס-זינגער, דראַמאַטורגען, איבערזעצער, קאָמפּאָזיטאָרס, מאָלערס, דירעקטאָרן, רעזשיסערן, מענעדזשערס (פּאַר-וואַלטער) ווי אויך פון טעאַטער-גרופּעס און דראַמאַטישע פאַרבאַנדן.

דער סיסטעם איז פאָלגענדער: אַלע מינים טעאַטער און זייערע פאָרשטעהער פון פאַר גאָלדפאַדען, וועגן וועלכע ס'זיינען ניטאָ קיין שום ביאָגראַפישע דאַטען, וועלן קומען אין אַ קאָלעקטיוון אַרטיקל א"נ „פאַרגאָלדפאַדען-טעאַטער", דאָסזעלבע אויך בנוגע בדחנים-אַקטיאָרן און פאָלקסזינגער, וועגן וועלכע ס'זיינען ניטאָ קיין דאַטען, אינדיווידועלע ביאָ-גראַפיעס זיינען באַזירט: אָדער אויף „מ.ע." (מינדלעכער ענטפער) אָדער „ש.ע." (שריפטלעכער ענטפער) פון באַטרע-פענדן פערזאָן אָדער פון פערזאָנען, וועלכע האָבן צוגעשטעלט די אינפאָרמאַציעס. דערנאָך גייען די אַנדערע קוואַלן. דער קלאַמער [] באַדייט אַ רעדאַקציאָנעלע באַמערקונג. נאַטירלעך איז ניט אויסגעשעפּט די גאַנצע ביבליאָגראַפיע. כמעט קיינער פון די באַטרעפנדע האָט ניט פאַרמאָגט די אַרטיקלען, וואָס זיינען וועגן אים געדרוקט געוואָרן. עס איז געווען מיין אויפגאַבע צו זוכן אין דער ניו-יאָרקער פּאָבליק לייברערי (דערביי האָב איך באַקומען די נויטיקע הילף פון דר. יהושע בלאָך און זיין אַסיסטענט אברהם בערגער) די אַרטיקלען וועגן טעאַטער, וועלכע זיינען צעוואָרפן איבער די צעשטויבטע און צעריסענע אַלטע יאָרגענג פון דער יידישער פרעסע. באַזונדערס האָב איך זיך באַמיט צו פאַרצייכנען וואָס מער ביב-ליאָגראַפיע ביי די דראַמאַטורגען, וועמענס פּיעסען ווערן ניט געדרוקט, כדי צו געבן אַן אָנלען-פונקט פאַר דער יידישער דראַמאַטורגיע-פאָרשונג.

זייער שווער איז אויך געווען דער ענין פון פאָטאָגראַפיעס. פיל אַקטיאָרן האָבן זיך דורכאויס באַמיט צו געבן זייע-רע יונגערע בילדער. אַנדערע האָבן בכלל ניט געגעבן קיין בילדער און מען האָט זייערע פאָטאָגראַפיעס געמוזט רע-פּראָדוצירן פון אַפישן און אַלטע צייטונגען און זשורנאַלן. באַזונדערס שווער איז געווען צו באַקומען די בילדער פון פאַר-שטאָרבענע, און די באַקומענע בילדער זיינען געווען על פי רוב צעשעדיקט און אָפּגעריבן. דאָס און אויך די פאַרשיידע-נע פאָרמאַטן פון די צוגעשיקטע פאָטאָגראַפיעס און די פאַרשידנאַרטיקייט אין זייער טעכנישער אויספירונג, האָבן גע-שטערט גוט אַרויסצוברענגען מאַנכע פאָטאָגראַפיעס.

אייניקע בילדער (ווי פון שכר גאָלדשטיין, אַנעטאַ און ישראל גראַדנער, נייטאַן האַמבורגער) האָבן געמוזט ספּעציעל איבערגעצייכנט ווערן פון לואיס מאַרקאָוויטש. דאָס בילד פון גרשם באַדער איז גענומען לויט אַ צייכנונג פון ש. ראַס-קין, דאָס בילד פון בעל-מחשבות — לויט אַ צייכנונג פון מ. שאַגאַל, א. וויטערס בילד — לויט אַ צייכנונג אין זיינע כתבים.

דער זאַץ פון אַזאַ בוך איז אַ קאָמפּליצירטער און נויטיקט זיך אָפּט אין הילף מצד „הבחור הזעצער" און דאָס האָט אין פולער מאָס אַרויסגעוויזן דער זעצער דניאל מאַנדעל — פאַרוואָס ער פאַרדינט אַ ישר-כח.

דער ערשטער באַנד פון „לעקסיקאָן" האָט זיך אָנגעהויבן זעצן אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר 1930 און כדי צו דערהאַלטן אַן איינהייטלעכקייט, איז די רעדאַקציע אָפּגעשלאָסן געוואָרן דעם 1 יאַנואַר 1930, ד. ה., קיין שום געשעענישן (אַ חוץ טויט-פאַלן) פון נאָכן דאָזיקן דאַטום זיינען מער ניט רעגיסטרירט געוואָרן. אַנדערש איז מיט ביבליאָגראַפיע פון נאָכן דאָזיקן טערמין, וואָס באַציט זיך אויף אַ פריערדיקער טעטיקייט.

אַלס אַן ערשטלינג אויף דעם געביט זיינען זיכער פאַראַן חסרונות, באַזונדערס אין דאַטען. אַלע צוגעשיקטע הגהות און באַמערקונגען וועלן מיט דאַנק אָנגענומען ווערן*).

אין דער איבערצייגונג, אַז מיט דעם ווערק איז געטאָן געוואָרן אַ וויכטיקע פּיאָנערן-אַרבעט אויפן געביט פון יידישער קולטור, געפין איך פאַר נויטיק אויסצודריקן מיין דאַנק די אַלע, וועלכע האָבן דערצו מיטגעהאָלפן דורך מאַ-טעריעלער אָדער מאָראַלישער שטיצע. אַ באַזונדערע דאַנקבאַרקייט בין איך שולדיק מיין פרוי און קינד, וועלכע האָבן מיט גרויס פאַרשטענדניש פאַר דער זאַך, אין פאַמיליע-איינזאַמקייט, אָפּט זיך אָפּגעזאָגט פון נויטיקסטן, כדי ס'זאָל קאָ-נען געשאַפן ווערן דער „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", וועלכן איך ווידמע דערמיט זיי.

זלמן זילבערצווייג

ניו-יאָרק, 22 יאַנואַר, 1931.

(* "Lexicon" c/o Hebrew Actors Union, 31 East 7th Street, New York, U.S.A.

טעכנישע פאַרקירצונגען און דערקלערונגען:

א״א — אונטער אָנפירונג.
א. א. — און אַנדערע.
א. א. וו. — און אַזוי ווייטער.
א״ד — אונטער דירעקציע.
א״ט — אונטערן טיטל.
א״ל — אונטער לייטונג.
א״נ — אונטערן נאָמען.
א״פ — אונטער פירונג, אונטער פירמע
א״פּ — אונטערן פּסעוודאָנים.
א״ר — אונטער רעזשי, אונטער רעדאַקציע.
ב. א. — בועניאָס איירעס.
באָסעס אַסאָסיאיישאָן — פאַרבאַנד פון טעאַטער בעלי־הבתים.
דזשוליום — ווליום.
דיר. — דירעקטאָר (אין אייראָפּע: דער בעל־הבית פון דער טרופּע; אין אַמעריקע: דער רעזשיסער).
זמ״ה — זאַמלהעפט.
„טא״ק" — „טעאַטער און קונסט".
„ייד״טגבלט" — „יידישעס טאגבלאַט".
יוניע, יוניאָן — פּראָפעסיאָנעלער פאַריין.
„לאדז״טגבלט" — „לאָדזער טאגעבלאַט".
„ליבהאָבער" — אַמאַטאָר, ניט־פּראָפעסיאָנעלער שפּילער.
„ליט״בלט" — „ליטעראַרישע בלעטער".
ליס — קאָנטראַקט, אַרענדע.
ליסער — אַרענדאַטאָר.
„ליריקס" — טעקסט צו מוזיק.
„מאָ״זש" — „מאָרגען זשורנאַל".
מענעדזשער — פאַרוואַלטער, כמעט דאָס זעלבע וואָס טעאַטער־דירעקטאָר אין אייראָפּע.
נ. י. — ניו־יאָרק.
סטיידזש־מענעדזשער — בינע־דירעקטאָר, בינע־פאַרוואַלטער, געהילף־רעזשיסער, אינספּיציענט.
„פאָרוו." — „פאָרווערטס".
„פא״ש" — „פרייע אַרבייטער שטימע".
פ״ג — פאַרלאַג.
פּובליסיטי־מען — שרייבער און באַזאָרגער פון אַנאָנסן און נאָטיצן אין דער פּרעסע.
פּלאָמבער — קאַנאַליזאַציע־אַרבעטער.
פּרימאַר־שול — פאָלקס־שול, עלעמענטאַר־שול.
צ״א — צווישן אַנדערע.
רוף־גאַרדן — פלאַכער דאַך אויף וועלכן ס'ווערן געגעבן פאָרשטעלונגען זומער־צייט.
רעוויסטא — רעווי.

אין אַלע פאַלן ווערט געמיינט:

אַדלער — יעקב פּ. אַדלער.
בלאַנק — לעאָן בלאַנק.
פיינמאַן — זיגמונט פיינמאַן.
קעסלער — דוד קעסלער.
שוואַרץ — מאָריס שוואַרץ.
שיינגאָלד, שענגאָלד, שעהנגאָלד.

דער „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" דאַרף דינען ניט נאָר דעם „טעאַטער-ספּעץ", נאָר קודם כל דעם פאָרשער פון יידישער קולטור-געשיכטע, ווי אויך דעם „פּריוואַטמאַן", וועלכער בלאָנדזשעט אַזוי אָפט מיט גיריקע בליקן אַרום די „הינטער-קוליסן". אין קיין שום קונסט-צווייג קומט ניט דער שאַפער אין אַזאַ נאָנטער באַרירונג מיטן געניסער ווי ביים טעאַטער. און דאָך שטייט דאָס טעאַטער-וועלטל ווי אַ פאַרכשופטער שלאָס הינטער מויערן, אַרום וועלכע עס שלייען אַרום די פאַרגאַפטע מעלפאָמענע-פאַרגעטערער מיט זשעדנער נייגעריקייט: ווער זיינען עס יענע צויבערער, וועלכע גרייטן-צו דעם עיר מקלט פאַר אונזער פרייד?

ווערן לעגענדעס גאַנצע געשאַפן אַרום דעם טעאַטראַלן צויבער-בערגל און זיינע מכשפים — אָבער קיינער, אַ חוץ דעם מכשף-אַקטיאָר אַליין, איז ניט אַזוי מסוגל צו פאַרפלאַנטערן און פאַנאַנדערבלאָזן זיינע אייגענע לעגענדעס. מוז מען דאַרום, ביים אַרויסשיילן אַ גלייכן שטעג, צוגיין צו אָט דעם לאַבירינט מיט דאָפּלטער התמדה און פאָרזיכטיקייט.

דאָס לעבן און שאַפן פונם אַקטיאָר און זיינע מיטבאַטייליקטע אויף דער בינע פאָדערט אַ פיל מער **אָביעקטיווע רעגיסטראַציע** ווי דאָס לעבן און ווירקן פון יעדן אַנדערן קינסטלער. וואָרום בעת פאַרן דיכטער, מאָלער א. א. רעדט זיין ווערק פאַר זיך אַליין, ווערט אָפט דער בינע-קינסטלער דורך צעלאָזענער רעקלאַמע אַרויפגעשליידערט אויפן העכסטן שטאַפּל פון באַרימטקייט, צוגלייך אָבער ווערט דער שטילער טאַלאַנט אָפט פאַרשוויגן אַזוי, אַז ס'בלייבט ניט פון אים קיין שריד ופליט.

איז נויטיק געווען אָוועקצושאַרן די אָנגעבלאָזענע פליעווע און צוריקלאָזן דעם ריינעם, געזונטן קערן ווי די מאַמע ערד האָט אים פאַרזייט. און דאָס איז געווען די אויפגאַבע פון דער רעדאַקציע-קאָמיסיע. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" דאַרף זיין **מער** ווי בלויז אַ רעטונגס-אינסטרומענט אויף „אָפּצוראַטעווען אַ שטיק יידישע פאַרגאַנגענהייט" —: ער דאַרף קודם כל דינען דער יידישער **קולטור-פאָרשונג**.

איבערלאָזנדיק דאַרום דעם רעדאַקטאָר, זלמן זילבערצווייג, פולע איניציאַטיווע, האָבן מיר זיך באַמיט צו קאָנטראָלירן און פאַרפיקסן יעדע דאַטע, יעדן אויפטו, יעדע לייסטונג אויפן געביט פון יידישן טעאַטער — אויף ווי ווייט געדרוקטע קוואַלן און לעבעדיקע עדות האָבן דאָס נאָר געקאָנט באַשטעטיקן. ווייל מיר האָבן געהאַלטן, אַז איידער מען נעמט „שרייבן געשיכטע" פון יידיש טעאַטער, איז נויטיק פריער פאַר אַלץ צו זאַמלען און סאָרטירן דאָקומענטן און מאַטעריאַלן (בפרט ביבליאָגראַפיע), וואָס זאָלן פאַר דעם צוועק שאַפן אַן **אָביעקטיווע באַזע**.

און דאָס איז לחלוטין ניט געווען אַזאַ לייכטע אויפגאַבע: זאָל דאָ אין דעם שייכות פאַרציכנט ווערן בלויז איין כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג: בעת די עלטערע אַקטיאָרן (אויך יינגערע פון פאַרשיידענע לענדער, וואו עס ווערט געשפּילט יידיש טעאַטער) האָבן אין זייערע שריפטלעכע אָדער מינדלעכע ענטפערס אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע נייגונג צו אַנעקדאָטישקייט (אָפט אויך אַן אַמביציעזע שוואַכקייט צו איבערטרייבן און איבערשאַצן זייער לייסטונג: דווקא וועלן זיין „דער גרינדער" פון אַ קונסט-גרופּע, דער „ערשטער" אין אַ ראָל, אָנגעבן שפּעטערע דאַטען פון געבורט א. דגל.), וואָס האָט געמוזט זייער קלויבעריש אַרויסגעשיילט און אָפט אויסגעמידן ווערן — האָבן מאַנכע פון די יונגע בינע-קינסטלער פון ראַטנפאַרבאַנד אָנגעגעבן אַזעלכע קנאַפּע דאַטען, אַז עס קאָן שיער ניט אַרויסרופן דעם חשד פון „וועלן פאַרשווייגן". מוז דאָ דאַרום באַטאָנט ווערן, אַז אַלע מאַטעריאַלן, מיט וועלכע מען האָט זיך באַנוצט פאַר דעם בוך, זיינען באַהאַנדלט געוואָרן מיט גלייכער ליבשאַפט און גענויאיקייט, אָן חלוק פון לאַנד, קונסט-ריכטונג, אָרגאַניזאַציע-צוגעהעריקייט אָדער „שטאַנד" אין דער פּראָפעסיע. אונזער באַשיידענע מיטאַרבעט נעמט איבער אין דעם פרט די פולע אחריות.

אין באַוואוסטזיין, אַז ביי דער גאַנצער אָנשטרענגונג און בעסטע כונות, איז מסתמא דאָך ניט דערגרייכט געוואָרן אַלץ, וואָס עס פאָדערט אַזאַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, — האַלטן מיר, אַז דער וויכטיקסטער אויפטו פון דעם בוך איז: דאָס זאַמלען פון די מאַטעריאַלן און זיי **צענטראַליזירן** אין איין אויסגאַבע.

מיט דעם איז דער גרעסטער טייל פון דער אויפגאַבע דערפילט.

יעקב מעסטעל

ניו יאָרק, אין יאַנואַר 1931.

פעלער־אויסבעסערונגען:

געדרוקט:	דאַרף זיין:
קאָלום 74 — די אויפפירונג פון „דיבוק“ אין וואַרשע [די פּיעסע איז [לויט	די אויפירונג פון „דיבוק“ אין וואַרשע. די פּיעסע איז [לויט
קאָלום 109 — „גאָט פון נקמה“, פאַרלאַג „וועלט־בינע“. „פאַר אונזער גלויבן“. משיח׳ס צייטן“, איבערזעצט א. שולץ.	[באַלאַנגט צו קאָלום 110, אונטער די דייטשע איבערזעצונגען.]
קאָלומס 134-134 —	[דוד בדחן דאַרף קומען פאַר האפנער, חיים-אהרן.]
קאָלום 174 — [אין אברהם בלומס ביאָגראַפיע] פאַר ב.׳ס ועבורט	פאַר ב.׳ס געבורט
קאָלום 177 — [אין דוד בלומענטאַלס ביאָגראַפיע] לויט יעקב פּ. אַדלער איז ב. געווען אַ הערקוליסישע פיגור.	לויט יעקב פּ. אַדלער איז ב. געווען אַ הערקולעסישע פיגור.
קאָלום 192 — [אין משה-אליעזר בעלינסאָנס ביאָגראַפיע] מ. ח. לוצטאס „לישרים תהלה“ (וואָס זאָל זיין פאַר־בליבן אין כתב-יד).	די פּיעסע איז געדרוקט א״נ „ספר לישרים תהלה, איין טהעאַטער אין 3 אַקטין“ אדעססא תרכ״ז און געפינט זיך אין האַרוואַרד אוניווערזיטעט.
קאָלום 173, שורות 31, 32, 33	[זיינען איבריק.]
קאָלום 332, שורה 20 — עמי	עמי״
קאָלום 359, שורה 28 — דיא ביידע קי-לעמעל	דיא ביידע קני-לעמעל
קאָלום 366,לעצטע 2 שורות — שלום פּערלמוטער — דער אָנפאַנג פון אידישען טעאטער, „די אידישע וועלט“, פילאַדעלפיע, 5 אַפּריל־5 יולי, 1923.	[איבריק]
קאָלום 369, 4-טע שורה געב. 1859 אין קאָנסטאַנטינאָוו, וואָלינער	געב. 1859 אין סטאַראָ-קאָנסטאַנטינאָוו, וואָלינער
קאָלום 370, 4-טע שורה געבוירן בערך 1857 אין סטאַראָ-קאָנסטאַנטין	געבוירן בערך 1857 אין סטאַראָ-קאָנסטאַנטינאָוו
קאָלום 378 [אין דזשעני גאָלדשטיינס ביאָגראַפיע] — אין עלטער פון 13 יאָר ווערט ג. אַנגאַזשירט דורך מאַקס ר. וויי-	אין עלטער פון 13 יאָר ווערט ג. אַנגאַזשירט דורך מאַקס ר. וויל-
קאָלום 518 — יעסענער	יעסנער
קאָלומס 559, 563, 567 — יידישן טעאַטער	לעקסיקאָן פון
קאָלומס 561, 565, 569 — לעקסיקאָן פון	יידישן טעאַטער
קאָלום 783 — האנדס-שול	האַנדלס-שול

פון דער ביאָגראַפיע פון בערטא גערסטין (קאָלומס 503-4) איז, אויף אַ פאַרדריסלעכן אופן, אַרויסגעפאַלן אַ טייל.

במשך פון 1930-31 זיינען געשטאָרבן: יצחק אויערבאַך, סאָפיע אַפּטייקער, הערש-לייב סיגעטער און חנא שטרודלער. אַזוי ווי זייערע ביאָגראַפיעס זיינען שוין פריער געווען אָפּגעדרוקט, זיינען די טויט-פאַלן נאָך ניט פאַרצייכנט.

ערשטער באַנד

א—ח

אַבדול

געב. אין סטאַמבול [?], זאָל דאָרט האָבן געשפּילט יידיש טעאַטער מיט „ליבהאָבער“, און געזונגען טערקישע און יידישע לידער אין קאַבאַרעטן.

אין 1900 געקומען אין קאַווקאַז, און באַזיצנדיק אַ טערקישן פּאַס, וואָס האָט אים געגעבן וואוין־רעכט איבער גאַנץ רוסלאַנד, איז ער אַרומגעפאָרן מיט קאַמפּאַנעיעץ און שפּעטער מיט אַנדערע טרופּעס.

געשפּילט קאָמיקער־ראָלן, געווען אַן אויסגעצייכנטער פּאַכמאַן אין קונסט־טישלעריי, און פלעגט פון צייט צו צייט זיך באַשעפטיקן מיטן דאָזיקן פאַך.

מ. ע. פון א. ג. קאָמפּאַנעיעץ.

אָבערבערג, אַדאָלף

געב. 1888. די בינע־קאַריערע אָנגעהויבן אין 1909, געשפּילט אין די טרופּעס פון ראַפּעל אין וואַרשע, קאָמפּאַנעיעץ, קאַמינסקי, גענפּער אין ווילנע, ליפּאָווסקי, און 5 יאָר מיט קלאַרא יאָנג באַזונדערס אין רוסלאַנד. מיטגעמאַכט די שווערע טעג פון יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד און געשפּילט יידיש און „יידיש־דייטש“. געשלעפּט זיך מיט עטאַפּן, געהונגערט און אויסגעשטאַנען צרות פון „נאַטשאַלסטווא“.

די לעצטע יאָרן שפּילט אָ. אין ראַטנפאַרבאַנד.

ש. ע.

אבערלענדער, אַלעקסאַנדער

[געב. בערך 1854 — געשט. 22 אָקט. 1913]

געב. בערך 1854 אין אָדעס, אוקראַינע, אין אַ בעל־הביתישער פאַמיליע, און זיך פאַרנומען מיט אַדוואָקאַטור. ווען זיין שוועסטער סאָניא ווערט אַ יידישע אַרטיסטקע, וואַרפט ער אַוועק זיין אַרבעט, און ווערט אַ פאַרוואַלטער פון יידישן טעאַטער, פאָרט דינגען טעאַטערס און באַקומען דערלויבנישן.

נאָך זיין שוועסטערס טויט, פאָרט ער קיין לאָנדאָן אָפּנעמען איר קינד און קומט מיט אים קיין אַמעריקע, דאָ שפּילט ער אַ יאָר אין שיקאַגאָ, אָבער באַלד דערויף פאַרלאָזט ער די בינע, ווערט אַן אַנאָנסן־אַגענט פון די טעאַטערס און העלפט מיט אָרגאַניזירן די טעאַטער־אַשערס־יוניאָן.

דעם 22 אָקט. 1913 איז א. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק און געקומען צו קבורה אויפן יוניענפעלד בית־עולם.

מ. ע. פון זיין פרוי.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג“, ווילנע, 1928, זז. 89-86.
יעקב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „דיא וואַרהייט“, נ. י. 1916, 1917, 1918.

אָבערלענדער, סאָפיע

[געב. בערך 1862 — געשט. 29 יולי 1884]

געב. בערך 1862 אין אָדעס, ביי אַ בעל־הביתישער פאַמיליע. אַן אינטעליגענט מיידל, האָט זי ליב געהאַט קונסט, און האָט זיך געלאָזט צוריידן צו שפּילן יידיש טעאַטער, נאָר אונטערן פסעוודאָנים מיכעלסאָן.

אָ.׳ס ערשטער אויפטריט איז געווען אין כערסאָן אין ראָזענבערגס טרופּע אַלס „בריינדעלע קאָזאַק“. ווען גאָלדפאַדען האָט צונויפגעשטעלט אַ טרופּע פאַר דרום־רוסלאַנד אונטער דער דירעקציע פון זיין ברודער נפתלי און אַ געוויסן קרוג, געפינען מיר דאָרט אָ. צוזאַמען מיט ישראל ראָזענבערג, קאַצמאַן, סאַבסיי און אַדלער. באַלד דערויף הויבט זי אָן וואַנדערן מיט אַדלערן אַלס זיין פרוי איבער רוסלאַנד, און ווען זיי קומען קיין ריגע, טרעט אַריין אין קראַפט דער פאַרבאָט צו שפּילן יידיש טעאַטער, און זיי פאָרן דעריבער אַוועק קיין לאָנדאָן, וואו זי ווערט קראַנק און שטאַרבט דעם 29טן יולי 1884.

אויף איר קבר שטייט אַ מצבה, וואָס אַדלער האָט איר געשטעלט מיט דער אויפשריפט „מ׳ שרה בת ר׳ שלמה זלמן אשת ר׳ יעקב ברי׳ שרגא הלוי, יום ז׳ אב, תרמ״ד“.

א. האָט איבערגעלאָזט אַ זון, אייב אַדלער, וועלכער איז פאַרבונדן מיט דער ענגלישער בינע.

מ. ע. פון איר שוועגערין.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, I, זז. 212, 242.
יעקב פּ. אַדלער — מיין לעבענס בעשרייבונג, „טעאַטער זשורנאַל“, ניו יאָרק, 3, 2-1901.
שלום פּערלמוטער — יעקב פּ. אַדלער׳ס מעמואַרען, „דער אַמעריקאַנער“, נ. י. 22, 23, 24, 26, 1926.
י. רימיניק — ערשטע פינף יאָהר אידישער טעאַטער אין אָדעס, „די רויטע וועלט“, 12, 1926.
יאַקאָב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „דיא וואַרהייט“, 9-1916.
יעקב פּ. אַדלער — „מיין לעבען“, „די נייע וואַרהייט“ 6, 13 יוני 1925.

אַבערמאַן, יצחק

[האַבער]

געב. 7 אָקט. 1882 אין יאַסי, רומעניע. עלטערן — ווייַן־הענדלער. געלערנט אין חדר און שפּעטער אין אַ קאָמערץ־שול. באַטייליקט זיך אין ליבהאָבער־פאָרשטעלונגען.

אין 1899 אַליין געקומען קיין אַמעריקע, און דאָ געוואָרן אַן אַקטיאָר אין די וואָדעוויל־טעאַטערס, פאַר וועלכע ער האָט אויך געשריבן סקעטשן. שפּעטער געוואָרן אַ סופלער אין לעגיטימן טעאַטער.

ש. ע.

אַבראַגאַם, ידא
[פעלטענשטיין]

געב. 30 יולי 1884 אין דווינסק, לעטלאַנד. פאָטער — האַנדלס-אַנגעשטעלטער. דערצויגן געוואָרן אין בערלין, דערנאָך געענדיקט אין לענינגראַד אַלס צאָן-דאָקטאָר און פּראַקטיצירט ביז צום פאַרבינדן זיך מיטן טעאַטער.

שטרעבנדיק צו דער יידישער בינע, האָט אַ. אין 1919 געענדיקט אין לענינגראַד די סטודיע פון איצטיקן מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער, און איז באַלד געוואָרן איינע פון די ערשטע און אַקטיווסטע מיטגלידער פון דאָזיקן טעאַטער, שפּילנדיק מוטער-ראָלן.

אין 1925 האָט אַ. זיך באַטייליקט אין פילם „יידישע גליקן" נאָך שלום עליכם, אויפגעפירט דורך מי"מט.

ש. ע.

אַבראַמאָוו

אַן אָפּערן-זינגער, באַטייליקט זיך אין יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. לויט איין ווערסיע — געוואָרן אַ חזן, לויט אַ צווייטער — אַ יוועליר-סוחר.

אַבראַמאָוו, אַדאָלף
[אברהם פּערקאָף]

[געב. 21 יוני 1860 — געשט. 20 יוני 1926]

געב. 21 יוני 1860 אין באָסלאַוו, אוקראַינע, אַ שטיף-ברודער פון יצחק פּערקאָף, באַקומען אַ טראַדיציאָנעל יידישע דערציאונג, געלערנט גמרא ביי מלמדים. תמיד געווען אַ לוסטיקער, אַן אמתער ליץ, און ווען ס'פלעגט קומען צופאָרן אַ יידישע טרופּע, איז ער ניט אָפּגעטראָטן פון טעאַטער. באַזיצנדיק אַ שיינע שטים, פלעגט ער נאָכזינגען אַלע זייערע לידלעך.

אַוועק קיין קיעוו, וואו ער האָט געאַרבעט עטלעכע יאָר אַלס טשעמאָדאַנען-אַרבעטער, און פאַר די לעצטע פּרוטות באַזוכט טעאַטער, און תמיד נאָר גערעדט וועגן טעאַטער.

צוליבן פּריזיוו אַנטלאָפן קיין גאַליציע. אין בראָד אָדער אין טשערנאָוויץ אָנגעהויבן שפּילן ביי אַקסעלראָדן.

דערווייל וואַנדערט אויס זיין פאַמיליע קיין לאָנדאָן, און אַב. קומט צו זיי אין 1890. דאָ שפּילט ער די ערשטע צייט אין אַ דראַמאַטישן-קלאָב, פאַר וועלכן מאָריס ווינטשעווסקי שרייבט אָן אַ ספּעציעלע פּיעסע, באַזונדערס צייכנט ער זיך אויס אין חסידישע און אין קאָמישע פרויען-ראָלן. אַזוי ווי פון טעאַטער קאָן ער ניט ציען קיין פּרנסה, נעמט אים זיין ברודער לערנען פאָטאָגראַפיע, אָבער אַ. איז דערצו ניט פעאיק, און ער ווערט אַ שותף צו אַ פּריזיר-אַנשטאַלט. בערך 1894 פאָרט ער אַוועק קיין אַמעריקע. דאָ טרעט ער אויף ביי אַדלערן אין רומעניע-אָפּערן-הויז, און פאַלט דורך. ער נעמט אַרומפאָרן איבער דער פּראָווינץ, שפּילנדיק זייער אָפּט מיט „ליבהאָבער". צוליבן קריזיס אין אַמעריקע, ציט ער זיך בכלל צוריק אויף אַ שטיקל צייט פון טעאַטער און ווערט ווידער אַ פּריזיר, באַגנוגנדיק זיך מיט איינאָרדנען פאַר זיך צוויי מאָל אין יאָר בענעפיסן אויף וועלכע ער האָט געשפּילט.

דעם 20טן יוני 1926 איז אַ. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק, איבערלאָזנדיק אַ זון, אַרטור פּערקאָף, אַן אָנגעזעענעם שוישפּילער אויף דער ענגלישער בינע.

מ. ע. פון יצחק פּערקאָף, יצחק פרידמאַן, יצחק זאָלאָטאַרעווסקי און לייזער גאָלדשטיין.

אַבראַמאָוויטש, איזאַק

געב. 10 מאַי 1873 אין פּאָלטישען, רומעניע, אַלס בן-יחיד פון אָרטאָדאָקסישע עלטערן, וועלכע גיבן אים אַ תלמודיסטישע דערציאונג, אָבער אין עלטער פון 15 יאָר באַקענט ער זיך מיטן משכיל אברהם חיים כץ, און יענער עפנט פאַר אים די וועלט פון השכלה. אַ. ווערט אַזוי באַגייסטערט, אַז ער הייבט אָן שרייבן פאַר די יידישע און העברעאישע זשורנאַלן.

אין יענער צייט איז הורוויץ מיט זיין טרופּע געקומען קיין פּאָלטישען און רעדט איבער אַ. צו סופלירן ביי אים אין געהיים. דאָס טעאַטער-לעבן געפעלט אַ. און ער פאָרט אַוועק קיין בוקאַרעסט, וואו ער ווערט אַ מיטאַרבעטער אין „היועץ", אַ לערער אין דער שול „בלאַט" און אַ סופלער אין טעאַטער זשיגניצאַ. דאָ שרייבט ער אָן זיין ערשטע פּיעסע „נס חנוכה", איבערזעצט אַ סך פּיעסן, און באַאַרבעט הורוויץס פּיעסע „טיסאַ עסלער" פון 10 אַקטן אויף 5, כדי מ'זאָל זי ניט מוזן שפּילן צוויי אָוונטן. בעת גאָלדפאַדען איז אין רומעניע, ווערט אַ. מיט אים נאָענט באַפריינדעט, און ווען גאָלדפאַדען פאָרט אַוועק, פאַרלאָזט אַ. די בינע, אַריינטרעטנדיק אַלס לערער אין דער מלבום-שול אין בוקאַרעסט.

צו זיינע געשפּילטע פּיעסן אין רומעניע געהערן: „דער פּאַרפּירטער שוויגער-פאָטער", לעבנסבילד אין 4 אַקטן, מוזיק פון שוואַרצמאַן; „ישראל און זיין תורה", אַלעגאָרישע פּיעסע אין 3 אַקטן, מוזיק פון שוואַרצמאַן.

אויסער דעם האָט אַ. נאָך געשריבן: „דר. שפּילמאַן", „דעם רבים קינדער" און „וואָס אַ שדכן קאָן".

ש. ע.

אַבראַמאָוויטש, בינע
[פוקס]

געב. שמחת-תורה (30 אָקט.) 1865 אין סאַראַטאָוו, רוסלאַנד. פאָטער — אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, אַ שניידער. די עלטערן האָבן זיך געהאַט באַזעצט אין ניקאָלאַיעוו, נאָר דערווייל איז פאָרגעקומען אַ גרוש אויף יידן, וואָס איז געווען גילטיק אפילו אויף ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן. איין ייד, וואָס האָט געבויט שיפן, האָט אָבער געהאַט אַ רעכט איבערצולאָזן ביי זיך יידן אַלס אַרבעטער, און נאָך אַ.'ס געבורט האָבן אירע עלטערן, ביי וועלכע זי איז געווען דאָס יינגסטע קינד, זיך צוריקגעצויגן קיין

ניקאָלאַיעוו. דאָ איז דער פֿאָטער געשטאָרבן, און זי ווערט אויפֿ־געצויגן ביי דער באָבע. אָבער שוין אין איר פֿריסטער יוגנט האָט זי אין זיך איינגעזויגן דעם גייסט פֿון טעאַטער. דער זיידע פֿלעגט אָפֿט באַזוכן די וויין־קעלערס, און זי מיטנעמען, האַלטנדיק זי ביי זיך אויפֿן שויס.

אין עלטער פֿון 10 יאָר איז זי אַוועקגעפֿאָרן אין אַ דאָרף צו איר מוטער, נאָך וועלכער עס האָט זיך איר זייער פֿאַרבענקט. דאָרט איז זי געווען 4 יאָר. דער דאָרף ווערט איר נמאס, און זי פֿאָרט קיין אָדעס כדי דאָרט צו ווערן זעלבסטשטענדיק. עס געלינגט איר ניט, און זי ווערט אויסגעהאַלטן פֿון אירע שוועסטער, וועלכע געפֿינען זיך דאָרט, און פֿון אַביסל אונטערשטיצונג, וואָס מען שיקט איר צו פֿון דאָרף. זי וויל זיך אויסלערנען אַ מלאכה, אָבער אומעטום וויל מען זי צונעמען אַלס לערן־מיידל נאָר אויף צו אַרבעטן 3 יאָר אומזיסט און דאָס האַלט זי אָפּ פֿון דעם באַשלוס.

טעאַטער האָט זי שוין געזען פֿריער: איר עלטערע שוועסטער ליזע האָט צוזאַמען מיט היינע און זיין פֿרוי סערע געשפּילט ביי בערגערן, און ווען זיי זיינען אַמאָל געקומען קיין אָדעס, האָט די שוועסטער זי מיטגענומען אין טעאַטער. אַ. איז געוואָרן אַזוי באַגייסטערט פֿון טעאַטער, אַז זי איז נעכט נאָכדעם ניט געשלאָפֿן, און נאָר געחלומט וועגן די „מלאכים־אַקטיאָרן“.

זוכנדיק אַזוי אַ תכלית, האָט איר אַ חברטע, וואָס איז געווען באַקענט מיט אַ טיר־שטייער, איבערגעגעבן, אַז אין יידישן (מאַרינסקי) טעאַטער זוכט מען אַ כאָריסטקע. דער טיר־שטייער ברייגנט אַ. צו מאָגולעסקאָן. ער פֿאַרהערט איר קליין אַלט־שטימעלע, און נעמט זי אַריין אין טרופּע מיטן באַדינג, אַז זי זאָל זיין אַ חודש אומזיסט. געווען אומזיסט איז זי אָבער 4 חדשים, ווייל מען האָט תמיד אויסגעזוכט אַן אויסרייד, אַבי איר קיין געלט ניט צו צאָלן.

דאָ קומט נפֿתּלי גאָלדפֿאַדען און רעדט זי צו, אַז זי זאָל אַריינטרעטן אין זיין טרופּע, וואו זי וועט באַקומען ראָלן, און ער וועט איר אויך צאָלן שכירות. איר מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרן זייער שלעכט, ווייל צוליב דעם וואָס זי איז געוואָרן אַן אַקטריסע, האָט מען איר אויפֿגעהערט צו שיקן די אונטערשטיצונג פֿון דער היים. אַ. האָט דעריבער אָנגענומען נפֿתּלי גאָלדפֿאַדענס פֿאָרשלאָג. די ערשטע ראָל, וואָס זי האָט באַקומען, איז געווען די „מאַמע“ אין „שמענדריק“, אָבער קיין וואָרט צו ריידן האָט זי ניט געהאַט, ווייל די מאַמע איז אַ שטומע, נאָר איר ערנסטע האַלטונג אין דער ראָל האָט געצויגן צו איר אויפֿמערקזאַמקייט, און פֿון דער פֿריסטער יוגנט האָט זי אָנגעהויבן שפּילן מוטער־ראָלן. וואַנדערנדיק מיט דער דאָזיקער טרופּע איבער בעסאַראַביע, באַקענט זי זיך מיטן אַקטיאָר מאַקס אַבראַמאָוויטש און זיי האָבן חתונה. דאָ ברעכט אויס דער פֿאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער און אַ. פֿאָרט אַרום מיט איר מאַן אויף קאָנצערטן. נאָכן שפּילן אין בוקאָווינע, קומען זיי אָן אין רומעניע, וואו עס שפּילט די באַרימטע טרופּע, וועלכע מאָגולעסקאָ קומט אין 1886 אַראָפּנעמען קיין אַמעריקע, און זי פֿאָרט מיט קיין אַמעריקע. דאָ שפּילט זי צוזאַמען מיט אַבראַמאָוויטשן אין פֿאַרשיידענע טרופּעס, און נאָך זיין טויט האָט זי חתונה מיטן אַקטיאָר קלמן יאָוועליר. דורכן שפּילן אַן ערך 10 יאָר אין ריינעם, ערנסטן רעפּערטואַר אין יידישן קונסט־טעאַטער, האָט זי זיך דערוואָרבן אַן אומגעהויערע פּאָפּולאַריטעט און באַליבטקייט, אַזוי, אַז זי ווערט דורך דער קריטיק באַצייכנט אַלס „די מאַמע פֿון יידישן טעאַטער“.

מ. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II, זז. 35, 199.

לעאָן קאָברין — „ערינערונגען פֿון אַ דראַמאַטורג“, II, זז. 72-73.

אבא ליליען — בינע אַבראַמאָוויטש דער אוצר פֿון דער אידישער בינע, „טא“קל“, 11, 1922.

בינע אַבראַמאָוויטש — מיין בעסטע ראָל — „רחל לאה“, „מא“זש“, 31 מערץ, 1922.

אַלטער עפּשטיין — אוינע פֿון די פּיער מיליאָן, „טאָג“, ניו יאָרק, 18 אָקט. 1925.

מאַרק שווייד — בינע אַבראַמאָוויטש, „קולטור“, שיקאַגאָ, 10, 1925.

דר. א. מוקדוני — „טעאַטער“, ניו־יאָרק, 1927, זז. 120-122.

בינע אַבראַמאָוויטש — איך און דאָס פּובליקום, „טאָג“, ניו יאָרק, 23 דעצ. 1927.

יעקב מעסטל — זעקס קוילן־צייכנונגען, „אידיש טעאַטער“, וואַרשע, 1927, ז. 194.

מ. אָשעראָוויטש — וואָס מאַדאַם אַבראַמאָוויטש האָט דורכגעמאַכט ביים אידישען טהעאַטער“, „פֿאָר.“, 18 נאָוו. 1920.

אַבראַמאָוויטש, חיים

[געב. ... — געשט. ...]

אַן אָדעסער, געווען אין די זיבעציקער יאָרן אַ זינגער אין די וויין־קעלערס, געהאַט אַ שיינע טענאָר־שטים און געווען זייער באַרימט אין זיין צייט, אויסגעוואַנדערט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ער האָט געאַרבעט ביי פּאַפּיראָסן, זיך באַטייליקט אין 1875 אין צעזאַר גרינבערגס אויפֿפֿירונג פֿון „מכירת יוסף“, בעת דער רוסיש־טערקישער מלחמה געקומען קיין לעמבערג צוזאַמען מיט לוקאַטשער און לינעצקי, און אויפֿגעפֿירט „ביים פּיליטניק“ אין דער קרעטשמע דעם סקעטש „די שלאַכט פֿון פּלעוונע“.

איינמאָל בעת אַזאַ „פֿאָרשטעלונג“ — דערציילט סעם לודוויק — איז אַ שניידער אַרויף אויף דער „בינע“, גענומען אַ. אַ מאָס אויף אַ מלבוש, וואָס ער האָט אים שפּעטער געבראַכט אַ מתנה צוזאַמען מיט אַ גאָלדענעם זייגער אַלס אויסדרוק פֿון פֿאַרערונג.

פֿון לעמבערג פֿאָרט אַ. קיין בודאַפּעסט, וואו ער קאָן מער ניט זינגען (ווייל ער איז זייער דיק געוואָרן), פֿאַרלאָזט זיך אַ באָרד, און האַנדלט איבער די הויפֿן מיט אַלטע מלבושים.

אַ. איז געשטאָרבן אין בודאַפּעסט, איבערלאָזנדיק דאָרט פֿיר טעכטער און אַ זון.

מ. ע. פֿון צעזאַר גרינבערג און סעם לודוויק.

אַבראַמאָוויטש, מאַקס

[מענדל]

[געב. בערך 1859 — געשט. 6 אַפּריל 1905]

געב. בערך 1859 אין אָדעס, אוקראַאינע. פֿאָטער — בעל־הבית פֿון אַ שוסטעריי, האָט קיינמאָל אַליין ניט געאַרבעט, ווייל ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן חשק צו וואַנדערן, און האָט באַזוכט טערקיי און אַנדערע לענדער.

אַלס קינד פֿון 5 יאָר זינגט א. ביי אַ חזן, און ווען ער וואַקסט אַביסל אונטער, פֿאָרט זיין פֿאָטער מיט אים אַרום אַלס משורר, און נעמט אים אפֿילו מיט קיין טערקיי.

אין עלטער פֿון 16 יאָר טרעט א. אַריין אַלס זינגער אין די וויין־קעלערס אין אָדעס צוזאַמען מיט מאָריס פֿינקעל, אריה שראַגע, יעקב קאַצמאַן און אהרן טאַגער.

ווען ישראל ראָזענבערג צעקריגט זיך מיט גאָלדפֿאַדענען און שטעלט צוזאַמען אַ טרופּע, נעמט ער אַ. אַרויס פֿון וויין־קעלער צוזאַמען מיט קאַצמאַנען. באַלד דערויף קומט א. אָן צו גאָלדפֿאַדענען, ביי וועלכן ער שפּילט אין אָנהויב פֿרויען־ראָלן.

אַלס מוזיקאַלישער מענטש העלפֿט ער ג.ין מיט חזנישע מאָטיוון

פאַר „שולמית“ און גיט אים אויך דעם באַקאַנטן מאָטיוו פון „די כוהנים“.

אין 1881 שפּילט ער אין נפתלי גאָלדפאַדענס טרופּע אין סאָראָקע, וואו ער איז שוין דער רעזשיסער און ליבהאָבער, ווייל ער באַזיצט אַ גרויסע שטים. אַרומפאָרנדיק איבער בעסאַראַביע, באַקענט ער זיך מיט בינע פוקס, מיט וועלכער ער האָט חתונה, אָבער דאָ קומט אָן דער פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער, און ער ווערט צוריק אַ קעלער־זינגער און אַ משורר ביי חזנים אין אָדעס, און פאָרט אויך אַרום מיט זיין פרוי אויף קאָנצערטן. וואַנדערנדיק אַזוי, קומען זיי אָן אין טשערנאָוויץ צום דירעקטאָר מאַרגולעס, אָבער צוליב קאָנצעסיע־שוועריגקייטן איז אַ. געצוואונגען צו שפּילן אין סערעט, בוקאָווינע. צוליב אַ סכסוך פאָרט ער אָפּ קיין רומעניע, וואו ער שפּילט צוזאַמען מיט דער טרופּע פינקעל, פיינמאַן, מאָגולעסקאָ, קעסלער, וויינבלאַט. ווען מאָגולעסקאָ קומט אין 1886 פון אַמעריקע נאָך אַ טרופּע, נעמט ער אים מיט, און דאָ טרעט ער אַרויס אַלס קאָמיקער. אין 1888 ברענגט אים טאָמאַשעווסקי קיין באָסטאָן און אין 1895 שפּילט ער אין רומעניע אָפּערן־הויז אין ניו־יאָרק. אַ. האָט דאָ ביז 1905 געשפּילט צוזאַמען מיט די וויכטיקסטע אַקטיאָרן אין ניו יאָרק און איבער דער פּראָווינץ אַלס קאָמיקער און צווייטער ליבהאָבער. דעם 6טן אַפּריל 1905 איז ער געשטאָרבן אין ניו יאָרק און געקומען צו אייביקער רו אויפן וואַשינגטאָן בית־עולם.

מ. ע. פון בינע אַבראַמאָוויטש, יעקב קאַצמאַן.

ב. גאָרין — „געש. אידיש. טעאַט.“, I, ז. 205, II, ז. 35.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס געשיכטע“, ניו־יאָרק, 1916, ז. 157.

ב. ווינשטיין — עראינערונגען וועגען אידישען טעאַטער“, „פאָר.“, 24 אַפּריל, 1927.

יעקב פּ. אַדלער — מיין לעבענסבאַשרייבונג, „דער טעאַטער־זשורנאַל“, ניו־יאָרק, 3, 2־1901.

אַבראַמס, אַדאָלף

[אַבראַמאָוויטש]

געב. 15 פעב. 1865 אין יאַסי, רומעניע, געלערנט אין חדר, געענדיקט אַ פאָלקס־שול און צוויי קלאַסן גימנאַזיע. געווען אַ בוכהאַלטער אין אַ באַנק־געשעפט, דערנאָך געוואָרן אַ לערער פון דייטש, יידיש און רומעניש.

אין 1900 געקומען קיין שיקאַגאָ, דאָרט געפּעדלט עטלעכע חדשים, געמאַכט דערפון אַביסל געלט, און צונויפגעשטעלט אַ טרופּע צו פאָרן איבער דער פּראָווינץ. אַזוי ווי די טרופּע האָט ניט געהאַט קיין סופלער, האָט אַ. סופלירט, און ווען ער איז צוריקגעקומען אָן געלט, האָט ער עטלעכע חדשים סופלירט אין פּ׳ ריינהאַרדס טרופּע, און שפּעטער אין גליקמאַנס טרופּע, וועלכע האָט אויך אויפגעפירט זיין איבערזעצטע פּיעסע „ייד און קריסט“.

נאָכן סופלירן דריי יאָר אין שיקאַגאָ, ווערט ער אַנגאַזשירט אין אַדלערס האָפּ־טעאַטער אין באָסטאָן. ער ווערט דאַן אַ מיטגליד אין דער יוניע, און סופלירט און שפּילט אויך אין פאַרשיידענע טרופּעס.

צוליב קראַנקהייט האָט א. אין די לעצטע יאָרן זיך צוריקגעצויגן פון זיין טעטיגקייט.

ש. ע.

אַבראַמסאָן, איוואַן

געב. 3 סעפּט. 1870 אין ניקאָלאַיעוו, ווילנער גוב., פּויליש־ליטע. געלערנט אין חדר און ביים לערער עלענטוך. אין עלטער פון 17 יאָר אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער איז געוואָרן אַ העמדלמאַכער און געהאָלפן אָרגאַניזירן די שוירטמייקערס־יוניאָן, די ערשטע יידישע אַרבעטער־יוניאָן אין אַמעריקע. דערנאָך איז א. געוואָרן אַן אַגענט און געהאַנדלט מיט זינגער־מאַשינען, הייזער און פּלעצער. אין 1891 געגרינדעט מיטן רוסישן אָפּערע־זינגער הערמאַן קאַמינסקי אַ קאָנסערוואַטאָריע אין ניו־יאָרק, דאַן געעפנט צוזאַמען מיט שמ״רן אַ דרוקעריי און אַרויסגעגעבן אַ הומאָריסטיש וואָכנבלאַט „דער אידישער פּאָק“, שפּעטער געוואָרן דער אַרויסגעבער פון „דיא אידישע טעגליכע פּרעסע“, וועלכע האָט אונטערשטיצט דעם גאָרדיניזם ביי אַדלערן, דורך וואָס א. שליסט נאָנטע באַקאַנטשאַפט מיט אַדלערן, און ווערט זיין מענעדזשער בעת זיין שפּילן „שיילאָק“ אויף דער ענגלישער בינע. דערנאָך האָט אבר. אָרגאַניזירט אַ טרופּע פאַר דער פּראָווינץ, און ווען די טרופּע צעפאַלט זיך, שרייבט א. אַ פּיעסע „די גאָסן־קינדער“ וועלכע ווערט אויפגעפירט ביי גליקמאַנען אין שיקאַגאָ, דאַן ווערט א. אַ מיטשותף צום פילאַדעלפיער אַרטש סטריט־טעאַטער, וואו אַדלער קומט אָפּט גאַסטראָלירן, און אויפן צווייטן סעזאָן גרינדעט א. מיט דער מיטהילף פון אַן אַקציענגעזעלשאַפט אַ ניי יידיש טעאַטער אין פילאַדעלפיע אויף גרין און 3טע סטריט.

אין 1903 פאַרלאָזט אַ. דאָס פילאַדעלפיער טעאַטער און נעמט ווידער האַנדלען מיט הייזער און פּלעצער אין בראָנקס, דערנאָך אָרגאַניזירט ער די „איוואַן אַבראַמסאָן איטאַליען גרענד־אָפּערא“, מיט וועלכער ער פאָרט אַרום 5 יאָר איבער אַמעריקע.

אין 1909 איז אַ. ווידער געוואָרן אַדלערס מענעדזשער און געדונגען פאַר אים אַ טעאַטער אין פילאַדעלפיע פאַר פרייטאָגס און שבתים, און די אַקאַדעמיע אָף מיוזיק אין דער 14טער סטריט, ניו יאָרק, אויף זונטאָג מיטאָג און אָוונט. דעם זעלבן סעזאָן איז א. געוואָרן ליסער פון טאַליאַ־טעאַטער, וואו ער איז געווען מענעדזשער 4 יאָר, און פאַר דער צייט אויפגעפירט זיין אַלעגאָרישע דראַמע „די הייראַט“ מיט מאָשקאָוויטשן אין דער הויפּטראָל און „דער גרינער חזן“, אַ קאָמישע דראַמע מיט מאָגולעסקאָ אין דער הויפּטראָל.

אין 1914 איז א. געוועזן מענעדזשער ביי אַדלערן אין דואי טעאַטער (14טע סטריט, ניו־יאָרק), און האָט זיך געווידמעט דעם פילם פאַר וועלכן ער האָט געשריבן פּיעסן און האָט זיי אַליין רעזשיסירט.

א. האָט אָנגעשריבן אַ בוך אויף ענגליש „מוטער פון אמת“, אין וועלכן ער שילדערט זיין לעבן און קאַריערע, אָפּשטעלנדיק זיך באַזונדערס אויף זיין פילם־טעטיגקייט און דעם קאַמף צווישן די פאַרשיידענע פילם־טראָסטן.

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II. (רשימה פון פּיעסן).

אַבראַמסקי, ג.

ביאָגראַפישע דאַטן — אומבאַקאַנט. אין „קול מבשר“ (39) פון 1869 געפינען מיר זיינע אַ קאָרעספּאָנדענץ א״נ „שמחת תורה“, וואו ער שילדערט אויפן אַלטן משכילישן שטייגער דאָס שטעטל נ. ביים דניעפּר אין אַ שמחת־תורה־טאָג.

בעת גאָלדפאַדען האָט געגרינדעט זיין טעאַטער אין רומעניע, איז א. דאָרט געווען, און אונטערן שטאַרקן רושם, וואָס דאָס טעאַטער האָט געמאַכט, האָט א. אָנגעשריבן איבערן דאָזיקן טעאַטער אַ גרע־סערע רעצענזיע, וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבן אין אַ באַזונדער ביכל א״נ „במת ישחק או גיא־חזיון״. סאַלאָן „פּאַמאַ ווערדע״ [דאָס איז דער נאָמען פון טעאַטער־גאָרטן „פּאַמול ווערדי״], בקרת מאת הרואה אברהם הגרשוני -- לבני קהת, [30 ז. 16°].

קיין דרוקיאָר ווערט ניט אָנגעגעבן, נאָר ס'איז קענטיק, אַז ס'איז געדרוקט אין רומעניע אין יאָר 1877 אָדער 1878.

א. ווייזט אָן אויף די גוטע און שלעכטע מאָמענטן אין שפּילן, אויף די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן פון די פּיעסן, און ס'איז קענטיק, אַז דער מחבר האָט דרך־ארץ פאַרן טעאַטער בכלל און פאַר זיין שעפּפער, גאָלדפאַדען, בפרט.

דאָס ביכל איז אַ יקר־המציאות, און געפינט זיך נאָר אין איי־ניקע געציילטע ביבליאָטעקן פון ירושלים, ווילנע און ניו־יאָרק און ביי נח פּרילוצקי, וועלכער האָט וועגן ביכל געבראַכט ציטאַטן אין דער „ביכער־וועלט״ (וואַרשע 1923, 3-4). פון די ציטאַטן איז צו זען, אַז דער אמתער נאָמען פון מחבר ווערט אָנגעגעבן נאָר אין דער ווידמונג פון אַ שיר אין אָנהייב פון ביכל.

„גאָלדפאַדען־בוך״, ניו־יאָרק 1926, ז. 89.

נ. אויסלענדער — או. פינקעל — „א. גאָלדפאַדען״, מינסק, 1926, זז. 41-42.

נח פּרילוצקי — דאָס ערשטע ביכל וועגן נייעם יידישן טעאַטער, „ביכער־וועלט״, וואַרשע, 1923, 3-4.

אַגעד, סעם

[שלמה]

[געב. בערך 1866 — געשט. 16 דעצ. 1914]

געב. בערך 1866 אין גרודעק, ביי לעמבערג, מזרח־גאַליציע. פאָטער — אַ קרעטשמער. געווען אַ קעלנער אין האָטעל באַמבאַך, אין לעמבערג, דערנאָך געהאַט אַ שענק אין לעמ־בערג „פאַר דער שול״, און עס פלעגן ביי אים זינגען „בראָדערזינגער״, דערפון האָט זיך ביי א. אַנטוויקלט אַ גרויסע ליבע צום טעאַטער. אין 1888 געקומען קיין אַמעריקע, און אין 1895 אָפּגעדונגען דעם סאַלאָן „פאַדען״ אויף ריווינגטאָן און קלינטאָן־סטריט, ניו־יאָרק, און אויסגעשטעלט טעלעכע טישלעך א״נ „אַגעדס רעסטאָראַ־ציע״. אַ יאָר שפּעטער, ווען רעגינע פּראַגער איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט א. געעפנט אַ סאַלאָן אויף עלדרידזש נעבן דיווי־זשאָן־סטריט, און זייענדיק דער פאַרגערס אַ „פּאַטריאָט״, האָט ער אָנגעהויבן אַריינצופירן צו זיך אין סאַלאָן די „פּאַטריאָטן״ פון טעאַטער. דער אַקטיאָר בערל בערנשטיין ווערט זיינער אַ שותף, אָבער זיי גיבן אַזוי לאַנג עסן די אַקטיאָרן אָן געלט, ביז זיי פאַרלירן זייער פאַרמעגן, און א. מוז זיך צוריקציען אויף ריווינג־טאָן און קלינטאָן סטריט. דאָ, אין דאַמאָלטיקן גאַליציאַנער קוואַר־טאַל, עפנט א. „אַגעדס וואָדעוויל־הויז״ (82 קלינטאָן סטריט). ער אַנגאַזשירט ה' און פ' אַפּעל, סעם קלינעצקי און סאַמאָלעס־קאָ, וועלכע שטעלן פאַר קליינע סצענקעס, זינגען לידלעך און טאַנצן. ווען עס קומען דערנאָך אָן פון אייראָפּע אַקטיאָרן, אַנגאַזשירט א. זיי אויך צו זיך, ברענגט אַראָפּ פון אייראָפּע פּעפּי ליטמאַן, און זומער אַנגאַזשירט ער פאַר זיין וואָדעוויל־הויז די אַקטיאָרן פון די לעגיטימע טעאַטערס. אַזוי שפּילן ביי אים געביל, איידאַ דוואָרקין, מאיר שעהר, פּיטער גראַף, בעילי בעקער, מיי סיימאָן, אננא ליליען. א. פּרובט אויך אויפצופירן ביי זיך גאַנצע פּיעסן פון משה ריכטער און גרשום באַדער.

אינספּירירט פון די גוטע געשעפטן פאָרט א. קיין אייראָפּע און ברענגט פון דאָרט ה' און פ' בענדעל (שפּעטער רינגלער), און ווען די צאָל באַזוכער ווערט אַלץ גרעסער, קויפט ב. אָפּ צוזאַמען מיט אַנשל שאָר און פּיטער גראַף אַ קירך אויף סאַפאָלק־סטריט און זיי בויען דאָרט אויף (49-59 סאַפאָלק סטריט) דאָס טעאַטער „קאָמע־דיע״ (היינט צו טאָג געפינט זיך דאָרט די רעגירונגס־פּאָסט), וועלכעס זיי פאַרקויפן אָבער באַלד צוריק.

אָנהאַלטנדיק די גאַנצע צייט זיין וואַריעטע־הויז אויף קלינטאָן סטריט, האָט א. אויך געהאַט אין זיין באַזיץ „אַגעדס יוניאָן־וואָ־דעוויל־הויז״ (133 עלדרידזש סטריט), און „אַגעדס ביסמאַרק גאַרדן״ (בושוויק און דזשאַמייקאַ עוועניו), וואו ער פלעגט מיט שותפים קאָנטראָלירן דעם יידישן וואָדעוויל־מאַרק.

צוליב אַ שרפה אין אַ וואָדעוויל־הויז איז אין 1914 אַרויס אַ געזעץ, אַז די וואָדעוויל־הייזער טאָרן מער ניט אַרייננעמען ווי 299 פּערזאָן, און ווען דאָס געזעץ איז אין 1915 אַריין אין קראַפט, האָבן זיך אָנגעהויבן שליסן די וואָדעוויל־הייזער. פאַרבליבן איז בלויז איין אונטערנעמונג פון א.: זיין וואָדעוויל־הויז אויף קלינ־טאָן־סטריט, אָבער דער גלאַנץ פון די וואָדעוויל־הייזער איז שוין סיי ווי סיי געווען פאַרשוואונדן. זיינע באַזוכער און זיינע אַקטיאָרן זיינען איינציקווייז אַריבער צו דער לעגיטימער ביינע.

דעם 16 דעצ. 1914 איז א. געשטאָרבן און געקומען צו זיין אייביקער רו אויפן הר־חברון בית־עולם אין ניו־יאָרק.

מ. ע. פון זיין טאָכטער, עני קאַפּלאַן, משה שאַמעס, יעקב קירשענבוים, גרשום באַדער, סעם בלום און משה שאָר.

אַדאָלפי

האָט פאַרפאַסט אַ פּיעסע „שטופּע פאַר שטופּע״, וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן אין 1887.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״, ניו יאָרק, (רשימה פון פּיעסן).

אַדלער, בעני

געב. 1886 אין גאַלאַץ, רומעניע. עלטערן —עקספּאָרטערס פון תבואה. וועלנדיק שפּאָרן שכר־לימוד, שיקט אים דער פאָטער ניט אין דער רומענישער, נאָר אין דער גריכי־שער שול.

ווען ער איז אַלט 13 יאָר באַזעצן זיך ביי זיינע עלטערן אין שטוב אַקטיאָרן, און זיי נעמען אים אין טעאַטער צו שפּילן קינדער־ראָלן. די אַקטיאָרן ריידן אים צו, אַז ער זאָל ווערן אַן אַקטיאָר, ווייל ער באַווייזט פעאיג־קייטן. ער פאָרט קיין לאָנדאָן, וואו ער ווערט אַ דעקלאַמאַטאָר. אין 1901 קומט א. אין אַמעריקע, וואו ער טרעט אויך אַרויס אַלס דעקלאַמאַטאָר, און שליסט זיך אָן אָן „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק־קלאַב״, וואו ער באַטייליקט זיך אין דער ערשטער אויפפירונג פון שלום עליכםס „צעזייט און צעשפּרייט״. אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַק־טיאָר שפּילט ער שפּעטער אין פאַרשיידענע טרופּעס און פירט אויף אין מאַנטרעאָל פּרץ הירשביינס „דאָס פאַרוואָרפענע ווינקל״,

אין 1927-8 שפּילט ער אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער אין דראַמאַטישן רעפּערטואַר, אין 1928-9 גאַסטראָלירט ער אין דראַמאַטישן און מעלאָדראַמאַטישן רעפּערטואַר אין ווין און אין פּוילן. 1929-30 — אין שיקאַגער לאָנדייל-טעאַטער.

אַמפּלואַ — דראַמאַטישער שוישפּילער.

ש. ע.

אַדלער, דזשוליאַ

געב. אין פילאַדעלפיע, אַמעריקע. עלטערן — יעקב פּ. און סערא אַדלער. געענדיקט פּאַבליק סקול און געלערנט ביי פּריוואַט לערער זינגען און דראַמאַטישע קונסט. געשפּילט מיט די עלטערן קינדער-ראָלן, און שפּעטער דערוואַקסענע ראָלן. באַטייליקט זיך אין איר פּאָטערס יידישער שיילאָק-אויפפירונג אַלס „דזשעסיקאַ". אין 1922 באַטייליקט זיך אַלס „דזשעסיקאַ" אין בעלאַסקאָס ענגלישער אויפפירונג פון „שיילאָק".

1928-9 געשפּילט אין ניו-יאָרקער יידישן פאָלקס-טעאַטער.

מ. ע. פון סערא אַדלער.

דזשוליאַ אַדלער — מיין אינטערעסאַנטסטער מאָמענט אויף דער בינע, „דער טאָג", 15 פעברואַר, 1929.

א. פרומקין — די ערשטע טריט פון אַדלער'ס קינדער אויף דער ביהנע, „מאָ"זש", 11 יאַנ. 1928.

אַדלער, יוזשע

זאָל שטאַמען פון אונגאַרן, זיינער אַ פעטער, אַלטהיים, איז געווען חזן אין דער גאַסטער־שול פון בוקאַרעסט. ער האָט געזונגען אין כאָר פון דער דאָזיקער שול, אונטער דער ליטונג פון דוד הירש.

ווען יאָזעף וויינשטאָק האָט אין די ניינציקער יאָרן געשפּילט יידיש טעאַטער אין עגיפּטן און טערקיי, פלעגט אַ. אין דער טרופּע שפּילן קליינע ראָלן, זיין כאָר-מייסטער און אויך מיטזינגען אין כאָר.

א. זאָל זיך געפינען אין עגיפּטן.

מ. ע. פון דוד הירש און יאָזעף וויינשטאָק.

אַדלער, יוליוס

געב. 15 נאָוו. 1880 אין ביאַליסטאָק, פּויליש-ליטע, פאָטער — אַ בעקעריי-באַזיצער. דער ריכטיקער נאָמען פון דער פאַמיליע איז אַדלער, נאָר צוליב מיליטער-סיבות פלעגט זי זיך אויך רופן אַרטשיק, אַרטשיקעס א. א. געלערנט אין חדר און שפּעטער אויך וועלטלעכע למודים ביי לערער. אַלס קינד פון 6 יאָר איינגעאָרדנט אין שטוב אַ פּורים-שפּיל „אחשורוש" און געשפּילט „המן". צו 9 יאָר געוואָרן אַ משורר ביי אַ חזן און באַרימט געוואָרן אַלס „יודקע דער אַלט".

אין 1891 קומט קיין ביאַליסטאָק אַ טרופּע פון בראָדערזינגער, און א. טרעט צו זיי אַריין אַלס „פּרימאַדאָנע", אויף אַ קורצע צייט גייט ער איבער אין אַ רוסישער אָפּערעטן-טרופּע, דאַן ווערט א. דיריזשאָר פון כאָר אין אַ גרויסער שול. באַלד דערויף טרעט ער אַריין אין דער טרופּע פון דוד שוואַרצבאַרד אַלס אַקטיאָר, און פון דאָרט אין דער טרופּע פון אברהם קאַמינסקי, וועלכע שפּילט אין דער סביבה פון

ביאַליסטאָק. אין דער דאָזיקער טרופּע איז א. אַקטיאָר, כאָרמייסטער און פון צייט צו צייט דיריגענט.

נאָכן וואַנדערן איניקע יאָר מיט קאַמינסקים און שפּעטער מיט פישזאָנס טרופּע, ווערט א. אַליין אונטערנעמער פון טרופּעס איבער רוסלאַנד.

אין 1904 פאָרט א. אָפּ צו זיין פאַמיליע אין אַמעריקע, וואו ער טרעט אַריין אין קאָלאָמביאַ-טעאַטער, שפּעטער אין אַרטש-סטריט-טעאַטער אין פילאַדעלפיע ביי מייק טאָמאַשעווסקי. דאָרט איז ער 3 יאָר אין די פונקציעס פון אַן אַקטיאָר, כאָר-מייסטער און דיריגענט.

אין 1907 טרעט ער אויף אין זשאַרדען ד'היווער אין וואַרשע, מיטברענגענדיק צום ערשטן מאָל אין אייראָפּע דעם אַמעריקאַנישן רעפּערטואַר פון גאָרדין (אַחוץ „מירעלע אפרת" און „די יתומה", וואָס זיינען שוין פריער געווען) ליבין, קאָברין און זאַלאַטאַרעווסקי, דערנאָך פאָרט ער אַרום גאַסטראָלירן איבער פּוילן און ליטע. אין ביאַליסטאָק רעאָרגאַניזירט ער די טרופּע, אין וועלכער ער גאַסטראָלירט, און פאָרט מיט איר אַרום אונטער זיין דירעקציע איבער רוסלאַנד און פּוילן.

אין 1909 פאָרט א. צוריק קיין אַמעריקע און נאָכן שפּילן אַ סעזאָן ביי מייק טאָמאַשעווסקי אין אַרטש-סטריט-טעאַטער, פילאַדעלפיע, פאָרט ער ווידער קיין פּוילן, שפּילט אַ סעזאָן אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער ביי זאַנדבערגן, גאַסטראָלירט ביי זיין פריערדיקער פּראָווינץ-טרופּע, וועלכע ער נעמט ווידער איבער אונטער זיין און ליפּאָווסקיס דירעקציע, אויף אַ טורנע איבער רוסלאַנד. 1910-11 שפּילט א. ווידער ביי זאַנדבערגן אין גרויסן טעאַטער, 1912 — פאַרוואַנדלט ער צוזאַמען מיט ליפּאָווסקין דעם לאָדזשער צירקבנין פאַר אַ יידיש טעאַטער, דערנאָך פאָרט ער אַ קורצע צייט אויף גאַסטראָלן איבער רוסלאַנד, רעזשיסירט און באַטייליקט זיך אין די העברעאישע אויפפירונגען פון „אוריאל אַקאָסטאַ" (אוריאל) אין הערצלס „נייע געטאָ" (יעקב) אין לאָדזש, וואַרשע און ווין, און סוף 1913 עפנט ער אונטער זיין און סיעראַצקים דירעקציע דאָס סקאַלאַ-טעאַטער אין לאָדזש, וואו ער פירט אויף צום ערשטן מאָל אַ באַדייטנדיקן טייל פון אייראָפּייאישן דראַמאַטישן און אָפּערעטישן רעפּערטואַר. גלייכצייטיק מאַכט א. צום ערשטן מאָל אַ גרויסן טורנע איבער די גרעסערע און קלענערע שטעטלעך פון פּוילן.

אין 1920 איז א. אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער שפּילט אַ האַלבן סעזאָן אין באָסטאָן ביי דזשוליוס נאַטאַנסאָן, דאַן אַ קורצע צייט אין לאָס-אַנדזשעלאָס, 1921-2 אין יידישן קונסט-טעאַטער.

דעם 8 סעפּט. 1922 האָט ער צוזאַמען מיט סיעראַצקין איבערגענומען דאָס ליבערטי-טעאַטער, אָבער נאָך אַ קורצער צייט פלאַצט דאָס טעאַטער און א. טרעט אַריין אין קונסט-טעאַטער, דאַן שפּילט ער צו סעזאָנען אין האָפּקינסאָן-טעאַטער, אין יידישן קונסט-טעאַטער, פאָרט אַוועק קיין אייראָפּע, פון דאָרט קיין אַרגענטינע און בראַזיליע. 1927-8 ווערט ער אויף אַ קורצער צייט דירעקטאָר אין טאָראָנטאָ און באַלד דערנאָך פאָרט ער ווידער אָפּ קיין אייראָפּע, גאַסטראָלירנדיק אין פראַנקרייך, בעלגיע, דייטשלאַנד און רוסלאַנד. זייט דעצ. 1928 איז א. דירעקטאָר פון „נייעם יידישן טעאַטער" אין ריגע און האָט אין 1929 גאַסטראָלירט אין קאָוונע.

א. האָט אין פּוילן זיך באַטייליקט אין פילם „מירעלע אפרת" („יאָסעלע") און אין אַמעריקע אין פילם „געבראָכענע הערצער" („אַ פריינט").

א. האָט אַחוץ אַ ריי אַרטיקלען וועגן יידיש טעאַטער און בלעטלעך זכרונות, אויך אָנגעשריבן פאָלגנדיקע אָריגינעלע פּיעסן, וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרן: „דאָרפס ליבע", אָפּערעטע, מוזיק פון פּריץ סאַנדלער (אויפגעפ. 8 סעפּט. 1922 אין ליבערטי-טעאַטער); „דאָס צווייטע ווייב" (מעלאָדראַמע), „די מומע גנענדעל" (אָפּערעטע, מוזיק פון ביינגעלמאַן); באַאַרבעט „די שיינע בערטאַ" (אָפּע-

רעטע, מוזיק פון בייגעלמאַן) ; איבערזעצט זאַפּאָלסקאַס „זאַלבעפערט“, סטרינדבערגס „פאָטער“, איבסענס „גייסטער“, קאַלמאַנס אָפּערעטע „די טשאַרדאַש-פירשטין“ (אַלע געשפּילט) און די דראַמע „דער חבר“ פון לעוויטינא (אויפגעפ. 24 יאַנ. 1929 אין ריגע).

מ. ע. פון עמיליע אַדלער.
ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II, ז. 193.
ז. ז—ג. — יוליוס אַדלער, „לאַט“בל“, 5 מאַי, 1920.
יוליוס אַדלער — מיינע וואָגלענישן מיט אידישע טרופּעס מיט דרייסיק יאָר צוריק (זכרונות) „פּרימ.“, ריגע, 20 פעב., 1929.
נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער“, ביאַליסטאָק, 1921, I, זז. 47, 48, II, ז. 109.
ח. לעווין — יוליוס אַדלער, „צייט“, ווילנע, 247, 1926.
זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג“, ווילנע, 1928, זז. 169-157.
זלמן זילבערצווייג — „טעאַטער זכרונות“, ווילנע, 1928 זז. 58-46.
י. ב. ט. — יוליוס אַדלער וועגן זיך, „ליט“בל“, וואַרשע, 120, 1926.
א. אַלפּערין — באַרימטער אידישער אַרטיסט יוליוס אַדלער, „פּרימ.“, ריגע, 11, יולי, 1926.
א. אלק — אַרטיסט און מענטש, „וויל. טאָג“, 19 נאָוו., 1926.
ח. לעווין — אַ פּאָר ווערטער צום אָפּשייד מיט יוליוס אַדלערן, „צייט“, ווילנע, 8 דעצ., 1926.
בלייפעדער — יוליוס אַדלער, „אָוו. קור.“, ווילנע, 2 דעצ. 1926.
ל. ק. — יוליוס אַדלער, „נפ“בל“, 16 יולי, 1926.
ל. ס—קי — צו די גאַסטראָלן פון יוליוס אַדלער אין פאָלקס-טעאַטער, „צייט“, ווילנע, 15 נאָוו., 6 דעצ., 1926.
יוליוס אַדלער — פון לאָדז ביז צו דער שיף, „ל“ט“בל“, אַפּר. 1927.
א. שטאָקפעדער — טורנע פון יוליוס אַדלערס טרופּע איבער פּוילן אין ליכט פון ציפערן, „יידיש טעאַטער“, וואַרשע, 1927, II, זז 3-231.
געשיכטע פון די יידישע טעאַטערן אין וואַרשע — „טעאַט“צט“, וואַרשע, 2, 1928.
אבא סילי — צום הײנטיקן ערן־אָוונט פון יוליוס אַדלער אין „נייעם אידישען טעאַטער“, „פּרימאָרגען“, 17 אַפּריל 1929.

אַדלער, יעקב פּ.

[יעקב בן פּנחס]

[געב. 1 יאַנואַר 1855 — געשט. 31 מערץ 1926]

געבוירן 1 יאַנ. 1855 אין אָדעס, אוקראַאינע. געווען אַ „ציטערדיק“ קינד, ווייל פון 12 קינדער אין שטוב זיינען געבליבן ער און אַ שוועסטער. געלערנט אין חדרים און אַרויסגעוויזן פעאיגקייטן, אַזוי, אַז די עלטערן האָפן פון אים צו מאַכן אַ דאָקטאָר און אין שטוב ווענדעט מען זיך צו אים ניט אַנדערש ווי „אָט גייט מיין דאָקטאָר!“

ביז אין עלטער פון 12 יאָר האָט אַ. געלערנט פּריוואַט ביים לערער טאַרלער דייטש און אַביסל פראַנצויזיש. דערנאָך טרעט אַ. אַריין אין דער „יעווּרעיסקאָיע קאַזיאָנאָיע אוטשילישטשע“, וואו ער ווייזט ניט אַרויס קיין גרויסן חשק צום לערנען און ווערט דערפאַר אָפּט באַשטראָפט.

נאָכן פאַרברייגגען איניקע יאָר אָן פּעולה אין שול, גיבן א.'ס עלטערן אים אַריין אין אַ שניט-קראָם, וואָס איז אים אָבער ניט צום האַרצן, און אַזוי ווי ער האָט אַ שיינע האַנטשריפט, ווערט ער אַן איבערשרייבער ביי אַדוואָקאַטן, נאָטאַרן און ריכטער, באַקומענדיק דערפאַר גוט באַצאָלט. א. קליידט זיך שיין, קומט אין דער בעסערער געזעלשאַפט און הייבט אָן אָפּט באַזוכן טעאַטערס און קאָנצערטן.

דאַן באַקומט אַ. אַ פּאָסטן אַלס געהילפס-עקספּעדיטאָר פון צאָל-אַמט, דערנאָך ווערט ער אַן איבערשרייבער אין רעדאַקציע פון „אָדעסקי וויעסטניק“, און דורך דער רעקאָמענדאַציע פון שטאָט-פאַרוואַלטונגס-מיטגליד, א. מ. בראָדסקי, ווערט א. דער אויפזעער איבער שטאָט-ריינקייט, וואָג און מאָס.

צו יענער צייט הויבט זיך א. אָן אינטערעסירן מיט שוישפּילער. ער ווערט דער אָנפירער פון אַ גרופּע סטודענטן, טעאַטער-פּאַטריאָטן, און דערפילט אין זיך אַ נייגונג צו דעקלאַמירן און „פאַרשטעלן“ אַזוי, אַז אויף די פאַרווייליגען פון די סטודענטן טרעט ער אַרויס אַלס קאָמיקער, אונטערהאַלטער, און מאַכט נאָך פאַרשיידענע טיפּן און סצענקעס. דערביי האָט אַ. אַ גרויסן דערפאָלג און נעמט זיך מיט חשק שטודירן די רוסישע דראַמאַטישע ליטעראַטור.

ווען א. באַקענט זיך דערנאָך מיטן רוסישן טעאַטער-דירעקטאָר מילאָסלאַווסקי, בעט ער ביי אים אַ געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן כאָטש אין אַ קליינער ראָל, אָבער מ. רעדט אים אָפּ מיטן מאָטיוו, אַז אַלס ייד וועט א. קיינמאָל ניט דערגרייכן קיין הויכע מדרגה אויף דער רוסישער בינע, דערביי האָט מ. אָבער באַטאָנט, אַז זיין [א.'ס] אויסערלעך אויסזען פאַרזיכערט אים דערפאָלג אויף דער בינע.

א. באַשליסט פונדעסטוועגן צו ווערן אַן אַקטיאָר, און אין דער פרייער צייט גרייט ער זיך דערצו: מאַכט פאַרן שפּיגל פאַרשיידענע גרימאַסן און תנועות און פּרובט אויסדריקן מיט זיין פּנים פאַרשיידענע געפילן.

ווען עס קומט אָן קיין אָדעס די ידיעה, אַז אין רומעניע האָט גאָלדפאַדען געגרינדעט דאָס יידישע טעאַטער און אַז דאָרט שפּילן ישראל גראַדנער, וועלכן א. האָט געהערט נאָך אַלס פאָלקס-זינגער אין אָדעס, און ישראל ראָזענבערג, אַ ווינקל-שרייבער פון אָדעס, וועלכן א. האָט גוט געקענט, ווענדעט זיך א. צו ראָזענבערג, אַז די טרופּע זאָל תיכף קומען קיין אָדעס. וועגן זעלבן ענין פאַרעפנטלעכט ער אויך אַ בריוו אין „אָדעסקי ליסטאָק“.

אַלס ענטפער אויף דער איינלאַדונג קומען אין 1879 קיין אָדעס ישראל ראָזענבערג און יעקב ספּיוואַקאָווסקי, וועלכע ציען צו זיך צו די אָדעסער פאָלקסזינגער יעקב קאַצמאַן, מענדעלע אַבראַמאָוויטש, שראַגע, אהרן טאגער, באָריס אַלטמאַן און די שפּעטערדיקע אַקטריסע סאָפיע אַבערלענדער. ראָזענבערג פאַרבעט אויך א. זיך צו באַטייליקן, אָבער א. באַשליסט בעסער אָפּצוּוואַרטן דעם איינדרוק פון דער ערשטער פאָרשטעלונג („ברייינדעלע קאָזאַק“).

א. פאַרנאַכלעסיקט זיינע געשעפטן און פאַרברייינגט כסדר מיט די אַקטיאָרן, און קומענדיק אַזוי צו זייערע פּראָבן, באַקומט ער צו שפּילן אין גאָלדפאַדענס קאָמעדיע „צוציק און מוציק“ אַ ראָל אַנשטאָט דעם קראַנק-געוואָרענעם אַקטיאָר באָריס באָד-גוי (אַלטמאַן). זיין ערשטן אויפטריט מאַכט א. אונטערן נאָמען נ., און כאָטש ער אַליין לעבט איבער יענעם אָוונט לאָמפּנפיבער און פילט, אַז די ראָל, וועלכע האָט אויך געפאָדערט געזאַנג, איז ניט פאַר אים, פונדעסטוועגן ווערט ער שטאַרק דערמוטיקט פון די אַנדערע אַקטיאָרן און באַקומט פון דאַמאָלט אָן קליינע, אומבאַדייטנדע ראָלן אין „שמואל שמעלקעס“, „דוואָסיע די פּלאַטקע מאַכערין“ און „די שוועבעלעך“. ערשט ווען אַ. פאָרט אַרויס מיט ראָזענבערגס טרופּע קיין כערסאָן, באַקומט ער אַלס ערשטע גרעסערע ראָל „מאַרקוס“ אין „קאָלדוניאַ“.

פּסח 1879 קומט גאָלדפאַדען קיין אָדעס מיט אַ טרופּע צו וועלכער ער אַנגאַזשירט אויך איניקע אַקטיאָרן פון דער אָדעסער טרופּע, אַחוץ ראָזענבערג און אַדלערן, און [לויט ב. גאָרין] ערשט נאָכדעם ווי גאָלדפאַדען אָרגאַניזירט אונטער דער דירעקציע פון זיין ברודער נפתלי און אַ געווויסן קרוג, אַ שתדלן ביי דער פּאָליציי,

א טרופע פאַר דער פּראָווינץ, אין וועלכער ס'שפּילן ראָזענבערג, קאַצמאַן, סאָניע אבערלענדער, סאַבסיי, נעמט ער אויך אַריין אַדלערן, וועלכער ווערט אין משך פון א קורצער צייט א „גאַנצער" אַקטיאָר.

א. שרייבט אין זיינע זכרונות, אַז די טרופּע איז געווען אונטער דער דירעקציע פון זיין פריינט ראָזענבערג און נפתלי גאָלדפאַדען, און, אַז ער (א.) איז דאָרט אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס ליבהאָבער.

א. דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז כאָטש ער האָט זיין ראָל „משה גיבערמאַן" אין גאָלדפאַדענס „ברייינדעלע קאָזאַק", אויסגעלערנט פון אויסווייניק, פונדעסטוועגן האָט ער אויך דאָרט געהאַט לאַמפּן-פיבער, און האָט די ראָל אַזוי מעכאַניש אַראָפּגערעדט, אַז ער האָט אַליין ניט געהערט וואָס ער רעדט. אַלע הכנות זיינע אַרויסצווייזן אַרטיסטיש פאַרשטענדניש און אויסדריקן אין דער זעלבער ראָל דאָס, וואָס אַנדערע אַקטיאָרען האָבען ניט אויסגעדריקט, זיינען צערונען געוואָרן תיכף ווי ער איז נאָר אַרויף אויף דער בינע, אָבער צו זיין איבערראַשונג האָט מען אים נאָך יעדן אַקט שטורמיש אַפּלאָדירט און אַרויסגערופן. ראָזענבערג האָט אים צום סוף געדריקט די האַנט, און באַמערקט, אַז ער „איז היינט געווען א קראַסאַוועץ, און די מיידלעך און ווייבלעך זיינען משוגע געוואָרן פאַר אים, דערפאַר האָבן זיי אים אַזוי שטורמיש אַפּלאָדירט".

אין כערסאָן האָט די טרופּע געשפּילט 4 וואָכן. זייענדיק 2 חדשים מיט דער טרופּע, האָט א. פאַרלוירן זיין פּאָסטן אין אָדעס, און שוין געווען געצוואונגען צו פאַרבלייבן א פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר.

נאָך א קורצער נסיעה איבער די קלענערע שטעטלעך, איז די טרופּע אָנגעקומען אין קעשעניעוו, וואו קעסלער איז צו זיי צוגעשטאַנען. דער מאַטעריעלער דערפאָלג איז געווען אַן אומגעהויערער.

א. שילדערט די לאַגע פון טעאַטער צו יענער צייט אויף פאָלגנדיקן אופן:

„ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ פרי פון מיין שלאָף, האָב איך צו מיין ערשטוינונג געזען ווי דער האָטעל-הויף איז געווען באַלאַגערט מיט יידן, ווייבער און קינדער, וועלכע האָבן געוואַרט אויף דעם קאַסירער אום זיך צו באַזאָרגן מיט בילעטן פאַר דעם אָוונט. פּאָליציי האָט געמוזט קומען צו הילף, אַז ס'זאָל ניט קומען צו סקאַנדאַלן".

אָבער דוקא ביי אַזעלכע גוטע געשעפטן, האָט א. אָנגעהויבן בייַנקען אַהיים. ער האָט זיך אַנטוישט אין טעאַטער און עס געוואָלט פאַרלאָזן. א. שילדערט די דאָזיקע שטימונג אַזוי:

„די אורזאַכע פאַרוואָס מיר האָט זיך פאַרבייַנקט אַהיים איז מיר אַליין ניט געווען קלאָר, און איך האָב זיך אַליין ניט געקאַנט אָפּגעבן א ריכטיקן רעכנונג איבער דעם. איך האָב נאָר דערפילט, אַז איך האָב דערוואַכט פון מיין ליידנשאַפט, און האָב זיך אָנגעהויבן צוקוקן מיט אָפענע אויגן צו דעם ניי-געבוירענעם קינד, און האָב ליידער איינגעזען, אַז הגם אברהם גאָלדפאַדען פאַרדינט די גרעסטע לויב, און די שענסטע דאַנקבאַרקייט, ווייל ער האָט געלייגט דעם ווינקל-שטיין צום פונדאַמענט פאַרן יידישן טעאַטער, אָבער זיין סיסטעם און אומפּראַקטישע פירונג, זיין אַרומרינגלען זיך מיט שמייכלער און איגנאָראַנטן, גיט אַריין דאָס טעאַטער אין אַזעלכע הענט, וואָס שלעפּן די קונסט אין א בלאָטע, אין א טיפן שמוץ, און עס וועט מוזן נעמען א לאַנגע צייט ביז מען וועט קאָנען איר פון דאָרטן אַרויסשלעפּן. די בינע האָט ניט געהאַט קיין קאָנטראָל, די אויבערמייסטער, און די הויפּט אויבער-אַרטיסטן

האָבן פאַרבראַכט טעג און נעכט אין האָטעלן און אויסגעלאַסענע אונטערהאַלטונגען, און פאַר יונגע מענטשן, יונגע טאַלאַנטן, וועלכע האָבן געזען אין דער בינע דאָס גרעסטע גליק, דעם העכסטן אידעאַל, איז דיזע שול געווען זייער א שלעכטע, און האָט געמאַכט א שרעקלעכן איינדרוק.

איך האָב פּרובירט זוכן אין זיך דעם פריערדיקן „איד", אָבער איך האָב געפונען גאָר אַן אַנדערן. איך וויל ניט לייקענען, איך בין קיין צדיק פריער אויך ניט געווען. אָבער פריער איז דאָס געווען מעשה יונגערמאַן, אַמאָל יאָ און אַמאָל ניט. אָבער איצט האָט מיך געצויגן יעדע נאַכט צו פאַרברייַנגען ביז אין דער פרי אין לוסטיקע געזעלשאַפטן, וואו עס שפּאַצירן אַרום א סך שיינע מאַמזעלן פאַרן שיין פון זייער פיל ליכט... עס האָבן זיך פאַרברידערט מיט אונז מענטשן מיט א שלעכטער רענאָמע, און די קליינע פּאָליציי-בעאַמטע ווי די פּריסטאַווס, די נאַדזיראַטעלעס, צוזאַמען מיט דעם בייַנאַכטיקן פּאַטרול פון קאָזאַקן, זיי האָבן אָנגעטאָן קאַפּאָטעס אין אונזער גאַרדעראָב. מיר זיינען געווען די נאַטשאַלסטוואָ און אַזוי האָבן מיר געבאַלעוועט גאַנצע נעכט, און דאָס האָט געהייסן „מען הוליעט אויף וואָס די וועלט שטייט".

אין מיין נייער קאַריערע צו וועלכער איך האָב געשטרעבט יאָרןלאַנג האָב איך נאָך קיין וואונדער ניט אויפגעטאָן, נאָר אין דער קורצער צייט האָב איך שוין פולקום אויסגעלערנט די תורה צו קומען יעדן פרימאָרגן אַהיים מיט ניט זיכערע טריט, מיט א באַרוישטן מח און צו שלאָפן א גאַנצן טאָג ווי אַן אומפאַרשעמטער פוילענצער, אין מיין טיר האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן אומגעבעטענע געסט. איך האָב אָנגעהויבן צו באַקומען פיל ליבעס-בריוו... בקיצור, איך האָב מיך אָנגעפאַנגען אויפפירן פּונקט ווי אַן אמתער אַקטיאָר."

מיט די עטלעכע פּיעסן זייערע האָט זיך געענדיקט דער רעפּערטואַר, און דער פּלאַן איז געווען זיך אַרומצושלעפּן מיט „שמענדריק" און „שמואל שמעלקעס" איבער גאַנץ רוסלאַנד, און ווייזן „אָט דאָס איז דאָס יידישע טעאַטער".

א. וויל פאַרלאָזן די בינע און צוריקקערן אַהיים, אָבער ראָזענבערג רעדט אים איבער, און א. פאָרט ווייטער מיט. פון קעשעניעוו איז די טרופּע געפאָרן קיין אַקערמאַן, דערנאָך אין יעליסאַוועטגראַד, וואו א. טרעט אויף אַלס „שדכן" אין „שמענדריק".

פון יעליסאַוועטגראַד איז די טרופּע געפאָרן קיין פּאָלטאַווע, וואו זי האָט געשפּילט אייניקע וואָכן, און דערנאָך אין טשערניגאָוו, וואו די דירעקציע באַצאָלט ניט די אַקטיאָרן, און א. מיט נאָך אייניקע קאָלעגן דערקלערן א סטרייק, וועלכן זיי געווינען און פאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו (צום ערשטן מאָל יידיש טעאַטער). דאָרט ווערט א. א חתן פאַר סאָפיע אבערלענדער.

וועגן זיין וואַנדערן איבער רוסלאַנד דערציילט א. אין זיינע זכרונות, אַז די טרופּע האָט אין יעקאַטערינאָסלאַוו פאַרבראַכט א לענגערע צייט און דערנאָך אין פאַרלויף פון יאָרן איז ער אַלע מאָל געפאָרן און געקומען אין יעקאַטערינאָסלאַוו, און אַלע מאָל געמאַכט גוטע געשעפטן. מיט יאָרן שפּעטער איז ער שוין דאָרט געווען אַלס פאַרהייראַטער מאַן און דירעקטאָר פון א טרופּע מיט וועלכער ער האָט שוין געשפּילט פּיעסן פון א גאַנץ אַנדערן מין.

די ערשטע בעסערע פּיעסע, וועלכע ער האָט אויפגעפירט איז געווען „דער צוויי ווייבערניק" פון משה לייב ליליענבלום. מיט א צייט שפּעטער האָט א. אויך דאָרט אויפגעפירט „רשי" פון קאַצענעלנבויגן, און, ווי ער דערציילט, „האָט די דאָזיקע פּיעסע צוגעצויגן די יידישע אָרטאָדאָקסיע. פיל רבנים פון די אַרומיקע שטעטלעך זיינען געזעסן אין זייערע יאַרמולקעס מיט זייע-

רע גרויסע שיינע בערד, און האָבן הנאה געהאַט פֿון דעם, וואָס עס גייט פֿאָר אויף דער בינע“.

צוליב דעם פּאָגראָם פֿאַרלאָזט א.׳ס טרופּע יעליסאַוועטגראַד און שפּילט איין פֿאָרשטעלונג אין שטעטל קאָבילאַקי, פּאָלטאַווער גוב., דערנאָך אין סמילע. דאָ באַקומט די טרופּע אַ מעלדונג פֿון אברהם גאָלדפֿאַדען, אַז זי זאָל קומען קיין אָדעס שפּילן, אָבער ראָזענבערג האָט ניט קיין חשק צו פֿאַרלירן זיין זעלבסטשטענדיקייט, און ער אָרגאַניזירט דעריבער די אַקטיאָרן ניט צו פֿאָלגן גאָלדפֿאַדענס רוף, נאָר נפתלי גאָלדפֿאַדען און דער גרעסטער טייל אַקטיאָרן פֿאָלגן יאָ, און אין סמילע בלייבן בלויז ראָזענבערג, פֿישקינד, אַדלער און אבערלענדער. דאָ נעמען זיי צו זיך אַריין קריינדל סאַכאַר-סאַניעס (ליפּצין), און פֿאָרן אַלס נייע טרופּע קיין פּערעיעסלאַוו, פֿון דאָרט קיין טשערניגאָוו. פֿון דאַנען נעמט אברהם גאָלדפֿאַדען אים און זיין פֿרוי קיין דינאַבורג, פֿון וואַנען זיי פֿאָרן, צוליבן פֿאַרווער אויף יידיש טעאַטער, קיין מינסק, באָברויסק און וויטעבסק, וואו א. דערקלערט אַ סטרייק קעגן גאָלדפֿאַדענען און פֿאָרט קיין ניעזשין צוריק אין ראָזענבערגס טרופּע. צוליבן פּאָגראָם פֿאָרט די טרופּע קיין לאָדזש, וואו א. טרעט אויף, צום ערשטן מאָל, אַלס „אוריאל אַקאָסטאַ“, (איבערז. פֿון ראָזענבערג). פֿון דאַנען פֿאָרט א. קיין זשיטאָמיר אין דער טרופּע האַרטענשטיין-ספּיוואַקאָווסקי און פֿון דאָרט קיין ראָסטאָוו, וואו א. באַטייליקט זיך אויך אין אַ רוסישער פֿאָרשטעלונג פֿון „באָריס גאָדונאָוו“.

וואַנדערנדיק ווייטער איבער רוסלאַנד איז א. ווידער אָנגעקומען מיט זיין פֿרוי סאָפֿיע אָבערלענדער קיין דינאַבורג (דווינסק), און אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע, וועלכע האָט זיך דאָרט געפֿונען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון לייזער צוקערמאַן. דער דאַמאָלטיקער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען כמעט פֿון בלויז געזאַנג-שפּילן, אָבער אַזוי ווי א. האָט קיין שטים צום זינגען ניט געהאַט, איז ער דעריבער געווען פֿאַראינטערעסירט צו לייגן דאָס הויפּט-געוויכט אויפֿן שפּילן. א.׳ס ערשטער אויפֿטריט אין דינאַבורג איז געווען אין דער דראַמאַטישער ראָל „יאָזעף“ אין „די אינטריגע“ („דוואָסיע די ספּלעטניצע“) פֿון גאָלדפֿאַדען, און ער האָט געהאַט דערמיט אַ גרויסן דערפֿאָלג. פֿון דינאַבורג איז די טרופּע געפֿאָרן קיין ריגע, וואו עס האָט זיי געטראָפֿן דער פֿאַרבאָט צו שפּילן יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד, און אָן לאַנגע שהיות לאָזן זיך די אַקטיאָרן אַדלער, זיין פֿרוי, די גראַדנערס, פּרל טשיזשיק, קאַרפּ, קעמפּנער, בוים, וואַכטעל א. א. אין 1882 קיין לאָנדאָן.

דאָ האָט א. געשפּילט אין אַ גאַנץ קליינעם לאָקאַל, וואו אין פֿראָנט איז געווען אַ יאַטקע, און אויפֿן הויף איז געווען אַזעלכעס, וואָס מ׳האָט גערופֿן „אַ יידיש טעאַטער“. קיין גרויסע גליקן מאַכט ער ניט אין לאָנדאָן, אָבער פֿאָרט בלייבט ער דאָ שפּילן אייניקע יאָר. אין 1886 ווען עס בויט זיך אויף אין לאָנדאָן דער קלאָב אויף פּרינצעס-סטריט, ווערט דאָרט איינגעאָרדנט אַ יידיש טעאַטער אונטער דער דירעקציע פֿון קצב סמיטה, וועלכער צאָלט שוין די אַקטיאָרן שכירות, און א. באַקומט 3 פֿונט מיט 10 שילינג אַ וואָך.

א. ווערט דערווייל זייער פּאָפּולער דורך זיין שפּילן די ליבהאָבערס און דראַמאַטישע ראָלן אין מעלאָדראַמאַטישן רעפּערטואַר. אַזוי האָט ער אַ באַזונדערן דערפֿאָלג אין זיין [?] פּיעסע „דער אָדעסער בעטלער“, ער צייכנט זיך אויך אויס אין דער ראָל פֿון „אוריאל אַקאָסטאַ“, און זיין נאָמען דערגרייכט ביז אַמעריקע, וואוהין די דאַמאָלטיקע טעאַטער-אונטערנעמער מאַנדעלקערן און ראָזענגאַרטן באַשליסן אים אַראָפּצוברענגען.

אין אַן אַנאָנס, וואָס איז געדרוקט דעם 21טן יולי 1886 אין אַ ניו-יאָרקער יידישער צייטונג, ווערט אַזוי געמעלדעט:

„אַדלער קאָמט מיט דער ריכטיגע יודישע טרופּפּע דיא אין ניו-

יאָרק נאָך ניט געשפּיעלט האַט, מיט איבער הונדערט נייע שטיק דיא מאַן נאָך אין ניו יאָרק ניט געזעהען האַט. וויר זינד איבערציינגט, דאַס דאָס היעזיגע פּובליקום ערוואַרטע מיט גרויס אונגעדולד אויף דעם בעריהמטען יודישען שוישפּילער אַדלער דער דעם גרעסטען סוקסעס (ערפֿאָלג) געמאַכט האַט אין דיא גרעסטע שטעדט אין יוראָפּ (אייראָפּע), יעצט קאָמט ער אהער מיט זיינער וועלט בעריהמטען טרופּפּע פֿון יוראָפּ אום צו צייגען דען ניו יאָרקער יודישער פּובליקום, דאַס עסווירקליך עקסעסטירט איינע ריכטיגע יודישע טרופּפּע“.

מאַנדעלקערן איז צוליב דעם געקומען קיין לאָנדאָן. ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיט א., אָבער פֿאָרט איז פֿון דער נסיעה גאָרניט געוואָרן, ווייל א. האָט פֿאַרנוצט אויף אַנדערע צוועקן די 500 דאָלאַר, וועלכע ער האָט באַקומען צוגעשיקט אויף הוצאות פֿאַר זיך און זיין טרופּע, און מ. האָט גענומען קיין אַמעריקע אַן אַנדערע טרופּע מיט מאָגולעסקאָ און פֿינקל אָן דער שפּיץ.

דעם 18טן יאַנואַר 1887 איז צוליב אַ פֿאַלשן פֿייער-אַלאַרם אויסגעבראָכן אַזאַ פּאַניק אין יידישן טעאַטער אין פּרינצעס-קלאָב, אַז 17 מענטשן זיינען אין דער מהומה דערשטיקט געוואָרן. מען האָט געמוזט איבעררייסן די פֿאָרשטעלונגען. די אַקטיאָרן, וועלכע האָבן זיך צוליב דעם געפֿונען אין אַ גרויסער נויט, וואַנדערן אויס, און א. באַשליסט צו פֿאָרן קיין אַמעריקע. ניט האָבנדיק קיין געלט אויף הוצאות, ווענדעט זיך א. צום לאָנדאָנער רב הכולל דר. אַדלער, וועלכער איז בכלל געווען אומצופֿרידן פֿון יידישן טעאַטער, און זיך געוואָלט דערפֿון באַפֿרייען, און דר. אַדלער פֿאַרשאַפֿט די געלטמיטלען פֿאַר א. מיט זיינע קאָלעגן (ליפּצין און איר מאַן, לייבוש גאָלד, פֿייוועלע פֿרידמאַן, הערמאַן פֿידלער, באָנעס, אברהם בוים, א. אבערלענדער א. א.), וועלכע פֿאָרן קיין אַמעריקע, וואו זיי קומען אָן אין מערץ 1887.

א. מעלדעט פֿריער די דירעקטאָרען פֿון די צוויי יידישע טעאַטערס אין ניו-יאָרק, אַז ער קומט מיט זיין טרופּע קיין אַמעריקע, אָבער אַזוי ווי מען קומט אים ניט אַראָפּנעמען, שטעלט ער זיך ניט אָפּ אין ניו-יאָרק, נאָר פֿאָרט גלייך קיין שיקאַגאָ, וואו נאָך אייניקע טעג נעמט ער צוזאַמען מיטן מענעדזשער דראָזדאָוויטש און נאָך אייניקע שותּפֿים דאָס מעדיסאָן סטריט-טעאַטער, און הויבט באַלד אָן צו שפּילן. דער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פֿון „אוריאל אַקאָסטאַ“, „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאַ“ פֿון גאָלדפֿאַדען און די מעלאָדראַמע „משוגענע אויס ליבע“ פֿון נ. ב. באַזעלינסקי. קיין גרויסן מאַטעריעלן דערפֿאָלג האָט א. אָבער ניט, ווייל דער קנאַפּער טעאַטער-עולם ווארט שוין אויף אַ נייעם רעפּערטואַר. די טרופּע האָט דערויף דערקלערט אַ סטרייק, און א. זוכט אָפּ אייניקע אַקטיאָרן, וועלכע געפֿינען זיך נאָך פֿון פֿריער אין שיקאַגאָ, און הויבט מיט זיי אָן שפּילן אין אַ צווייט טעאַטער. ביידע טעאַטערס האַלטן זיך אָבער נאָר אַ קורצע צייט. אייניקע מיטגלידער פֿון זיין טרופּע פֿאַרלאָזן די בינע, און נעמען זיך צו זייערע פֿריערדיקע באַשעפֿטיגונגען, די אַנדערע פֿאָרן קיין ניו-יאָרק, וואו זיי ווערן אַנגאַזשירט, אָבער א. קאָן בשום אופֿן ניט באַקומען קיין אַנגאַזשמענט, און ער פֿאָרט צוריק קיין לאָנדאָן. פֿון דאָרט פֿאָרט ער קיין וואַרשע, וואו ער טרעט אויף אין שמ״רס פּיעסן „דער פּראָצענטניק“ און „טרייפֿניאַק“. די קריטיק [זע יהושע מזחס „במת ישחק“] איז אומצופֿרידן פֿון דאָזיקן רעפּערטואַר, וועלכער „ווייזט אָן די נעגאַטיווע זייטן פֿון יידישן לעבן, און קאָן צושטעלן מאַטעריאַלן פֿאַר דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע“. א. פֿירט אויך דאָ אויף זיין אייגענע [?] פּיעסע „דער בעטלער“, אַ דראַמע אין 5 אַקטן און 8 בילדער מיט אַ פּראָלאָג [מזח באַמערקט, אַז די דראַמע איז אַ פֿראַנצויזישע מעלאָדראַמע „דער לומפּענהענדלער“, און א. האָט זי נאָר איבער-

זעצט אָדער פאַרייִדישט].

א. האָט דאָ נאָך דער פאָרשטעלונג [לויט ישראל ליפשיץ איש קאָוונערס רעצענזיע „דאָס יודישע טהעאַטער און די יודישע שוישפּילער" אין דער בייַלאַגע צום „יודישען פאָלקס-בלאַט", 26, 1888], „זיך געווענדעט צום פּובליקום מיט גרויס פרעכהייט און האָט אָנגעהויבן צו דרשנען ממזריש קלוג, האַלב דייטש, האַלב יידיש, און אַלע מאָל צוגעמישט די ענגלישע ווערטער „יעס", „נאָ", „אָלרייט". דערביי האָט ער אויסגעשריען: ביי מיר אין אַמעריקע און אין לאָנדאָן ווייסן זיי שוין ווער אַדלער איז און וואָס ער קען. דער אַרטיסט, דער וואַרער זשעני, טאָר אָבער אויף איין אָרט ניט זיצן, ווייל דער זשעני געהערט דער גאַנצער וועלט, אַזוי האָט מיין קאָלעגע שעקספּיר געטאָן, און אַזוי טו איך אויך. ניט אומזיסט, וועט איר זאָגן, נעם איך איינער מעהר געהאַלט פאַר די אַלע יונגלעך, און עס איז ריכטיק צו זאָגן אָלרייט."

דער דאָזיקער רעצענזענט איז איבערהויפּט אויפגערעגט דערפון, וואָס א. האָט באַזייטיקט גאָלדפאַדענס היסטאָרישע אָפּערעטן, און דאָרט וואו מען האָט פריער געזונגען גאָלדפאַדענען, „חזרט מען איצט איבער די גראָבע רייד און פאַרדאָרבענע וויצן פון אַדלערס אָפּערעטן. אַדלער האָט אין צוויי פאָרשטעלונגען חרוב געמאַכט וואָס „שולמית", „אַלמאַסאַדאַ" און „בר כוכבא" האָבן אין 10 יאָר געבויט".

אַ גאַנץ אַנדער בילד גיט איבער דער אַקטיאָר ה. פיינשטיין: ער דערציילט, אַז א. האָט אין וואַרשע געהאַט אַ זייער גרויסן דערפאָלג מיט „אוריאל אַקאָסטאַ", און די גרעסטע פּוילישע אַקטיאָרן פלעגן אים באַזוכן, און אויסדריקן זייער אָנערקענונג.

נאָכן שפּילן אין וואַרשע, לאָדזש און לעמבערג (וואו א. איז אַרעסטירט געוואָרן אונטער אַ חשד אַלס ווייסער שקלאַפן-הענדלער) פאָרט א. צוריק קיין לאָנדאָן וואו ער איז ווידער אין שלעכטע מאַטעריעלע פאַרהעלטנישן, און דאָ ווערט ער אין 1890 אַנגאַזשירט קיין אַמעריקע דורך היינע און מאָגולעסקאָ, וועלכע קומען ספּעציעל צו אים.

זיין ערשטן אויפטריט אין ניו-יאָרק האָט א. געמאַכט אין פּולס טעאַטער אין דער פּיעסע „אָדעסער בעטלער" און די פאָרשטעלונג פאַלט שרעקלעך דורך [ב. גאָרין באַמערקט, אַז ס'איז אייגנטלעך ניט באַוואוסט אין וואָס דער דורכפאַל האָט געשטעקט, אין דער פּיעסע אָדער אין זיין שפּילן, נאָר סיי ווי סיי האָט עס געהייסן, אַז א. איז דורכגעפאַלן]. אַ וואָך שפּעטער פירט א. אויף שמ"רס פּיעסע „משהלע סאָלדאַט", און האָט דערמיט אַזאַ דערפאָלג, אַז ניט נאָר דאָס פּובליקום, נאָר אויך די טעאַטער-דירעקטאָרן הויבן אָן אים זייער מקרב צו זיין, און דער דייטשער בעל-הבית פון פּולס-טעאַטער, הענגען, באַשטימט א. אַלס דירעקטאָר. א. ווערט אָבער באַלד דערויף אַנגאַזשירט פון היינען אין טאַליאַ-טעאַטער, נאָר נאָכדעם ווי היינע וויל אים ניט נעמען פאַר זיין שותף, טרעט א. אין מיטן סעזאָן אַרויס פון טעאַטער.

א. פאַרלאָזט באַלד דערויף ניו-יאָרק און הויבט אָן, צוזאַמען מיט טאָמאַשעווסקין, שפּילן אין פילאַדעלפיע, דערנאָך אין שיקאַגאָ, וואו זיי האַלטן אָבער ניט אויס דעם סעזאָן, און פאַר פּסח 1892 קומען זיי צוריק קיין ניו-יאָרק, וואו זיי נעמען דאָס פּולס-טעאַטער. אויפן סעזאָן 1892 ווערט א. אַ שותף אין פּולס-טעאַטער מיט מאָגולעסקאָ, קעסלער און פיינמאַן, אויפטרעטנדיק אַליץ אין „היסטאָרישן" אָפּערעטן-און מעלאָדראַמאַטישן רעפּערטואַר.

ווען א. באַקענט זיך דורך פיליפּ קראַנץ מיט גאָרדינען, באַוועגט ער גאָרדינען צו שרייבן פאַר דער יידישער בינע.

א. האָט [לויט ב. גאָרין] פאַרשטאַנען דעם נייעם גייסט, וואָס האָט דאַמאָלט גענומען הערשן צווישן די יידישע אימיגראַנטן. אַזוי ווי זינגען האָט ער נישט געקענט, איז עס אים געווען שטאַרק נוגע, אַז דער רעפּערטואַר פון ערנסטע פּיעסן זאָל באַהערשן די בינע. ער האָט זיך דעריבער אָנגעכאַפּט אָן גאָרדינען, און זיין רעפּוטאַציע איז טאַקע שנעל געוואַקסן. א. האָט זיך מיט די דאָזיקע פּיעסן זייער באַליבט געמאַכט ביים אינטעליגענטערן טעאַטער-באַזוכער, און זיין נאָמען איז פאַראייניקט געוואָרן מיט דער בעסערער דראַמע.

אויך לעאָן קאָברין איז אין דער מיינונג, אַז א. האָט זיך צוגעכאַפּט צו גאָרדינען דער עיקר, ווייל אין ביז דאַמאָלטדיקן געזאַנג-רעפּערטואַר האָט ער ניט געקאַנט פאַרנעמען קיין אַנגעזעען אָרט, אויסער דעם האָט א. געהאַט אַ שוואַכקייט צו אינטעליגענטן מיט וועלכע ער האָט געקאַנט ריידן רוסיש, בעת מיט די „געשוואוירענע פאַרפאַסערס", על פּי רוב רומענישע יידן, האָט ער דאָס ניט געקענט.

א. אַליין האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט פאַר קאָברינען וועגן גאָרדינען: „ער איז געווען מיין משיח, מיין ערלייזער".

א. איז געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך באַצויגן מיט רעספּעקט צו גאָרדינען, בעת אַלע אַקטיאָרן האָבן ממש חוזק געמאַכט פון אים ווען ער האָט פאָרגעלייענט זיין ערשטע פּיעסע „סיביריא", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין 1892 אין אַדלערס טעאַטער.

א. האָט דאָ געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן אַן עכט דראַמאַטישע ראָל, „ראָזענקראַנץ", מיט וועלכער ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויפן עולם, וואָס איז שוין באַשטאַנען טיילווייז פון אַן אַנדערן, בעסערן קרייז. דאָסזעלבע האָט ער געהאַט אין גאָרדינס צווייטער פּיעסע „דער גרויסער סאָציאַליסט". די ערשטע גרויסע ראָל אין גאָרדינס רעפּערטואַר, דורך וועלכער א. איז זייער פּאָפּולער געוואָרן, איז געווען „דוד משהלעס" אין „יידישן קעניג ליר" (1892).

דער קריטיקער אוריאל מזיק [אַלטער עפּשטיין] כאַראַקטעריזירט אַ[illegible]ם שפּילן אין דער פּיעסע אַזוי: „גלייך ווי ער דערשיינט ביים יום-טובדיקן טיש, ווערט עפּעס אַזוי ווי ליכטיקער. זיין מאַיעסטעטישע פיגור, דער ליבלעכער שמייכעל, די איבערגאַנגען פון כעס צו גוטסקייט, זיין צערטלעכקייט און געבייזער, זיין ברייטקייט און דער שפּעטערדיקער קאָנטראַסט אַלס יורד . . . "

אין 1894 האָט א. אויפגעפירט גאָרדינס 3 פּיעסן: „דער יידישער גלח", „דער פּרנס חודש" און „די ליטווישע ברידער לוריא", און ווערט דער ליבלינג פון ניו-יאָרק; זיין נאָמען ווערט פּאָפּולער איבער דער גאַנצער יידישער טעאַטער-וועלט אַלס דער גרעסטער אַקטיאָר פון דער יידישער בינע. דעם 24טן אויגוסט 1894 פירט א. אויף אין זיין טעאַטער זיינע און מאַקס ראָזענטאַלס אַ באַאַרבעטע פּיעסע „די רוסישע קנוט".

אין 1895 פירט א. אויף גאָרדינס „דער רוסישער ייד אין אַמעריקע" און „דער שוואַרצער ייד". פון איצט אָן הויבט אָבער גאָרדין אָן שרייבן אויך פאַר די אַנדערע שוישפּילער ווי קעסלער, ליפּצין, טאָמאַשעווסקי. דאָס, און די שלעכטע געשעפטן אין יידישן טעאַטער, באַוועגן א. צוצושטיין צום פּלאַן פון אַ פאַראייניקונג פון אַלע סטאַרס. עס דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז בעת מען פירט אויף אַ „היסטאָרישע" אָפּערעטע „נערא אָדער דאָס קעניגליכע פערד", שפּילט א. אַ קאָמישע ראָל, און [לויט בעסי טאָמאַשעווסקי] טאַנצט אפילו פאַרן פערד. ערשט ווען מאָריסאָן קומט גאַסטראָלירן, קערט א. צוריק זיך אום צום בעסערן רעפּערטואַר און שפּילט „יאַגאָ" אין „אָטעלאָ" און „סילוואַ" אין „אַקאָסטאַ".

אלס מיט-שותף אין ווינדזאר-טעאטער דעלעגירט מען א. קיין אייראפע נאך נייע ארטיסטישע כחות, און ער ברענגט פון דארט די פרימאדאנע מילאני גוטמאן.

אין 1897 פירט א. אויף גארדיןס „רייזעלע“ אדער „זעליג איציק דער כלי-זמר“, אין 1899 קאבריןס „מינא“ און אין 1900 גארדיןס „דער גאון“. אין זעלבן יאר עפנט א. דאס פיפלס טעאטער מיט קאבריןס „סאניע פון איסט בראדוויי“ [צוליב קאנקורענץ קעגן גארדיןס „גאט, מענטש און טייוול“, אנאנסירט אלס „נאטור, מענטש און חיה“], צו וועלכער א. האט צוגעשריבן א פערטן אקט. וועגן דער דאזיקער שוואכקייט פון א. צו באארבעטן די פיעסן, וועלכע ער האט אויפגעפירט, שרייבט קאברין אין זיינע עראינערונגען:

„אינם לעבן און הינטער די קוליסן האט ער אמאל דוקא ניט באנוצט דעם שענסטן אויסדרוק און די שענסטע שפראך, אבער אויף דער בינע האט ער כמעט שטענדיק זיך געוויזן וואס מער יום-טובדיק, און וואס מער אימפאזאנט, סיי אין זיין אויסזען, סיי אין זיין שפראך. ער האט געזוכט דאס שיינעווארט אין א פיעסע. דערפאר האט ער אפט דעם נאטירלעכן און לעבעדיקן דיאלאג אויסגעשטראכן ווען ער האט זיך אויסגעוויזן אים ניט שיין, און דערפאר האט ער געוואלט, אז אפילו די נעמען פון די העלדן פון א פיעסע זאלן זיין שיינע, ווייניקסטנס זיך אנהויבן מיט „ראז“ און ענדיקן מיט „קראנץ“.

„מחמת דעם האט ער אמאל צוגעריכט אזוי א פיעסע, אז זי האט אונטער זיין גרויסער פען פארלוירן אינגאנצן איר אריגינעלן אויסזען“.

עפעס ענלעכעס איז נאך פריער געשען מיט גארדיןס „קעניג ליר“, אין וועלכן א. האט אריינגעשטעלט זיין אייגענע „פראזע“ און צוליב וואס ס'איז פארגעקומען א סכסוך צווישן אים און גארדין.

דעם 5 דעצ. 1901 פירט א. אויף צום ערשטן מאל שעקספירס „שיילאק“, אין 1903 ווערט די זעלבע פיעסע געשפילט דורך ענגלישע אקטיארן אויף ענגליש און א. שפילט מיט די ראל „שיילאק“ אויף יידיש.

דער קריטיקער אוריאל מזיק כאראקטעריזירט זיין שיילאק-שפילן אזוי: „פיינטשאפט, נקמה, געבוירענער שטאלץ — אט וואס עס זעט זיך פון זיין יעדן קער. ניט אלע מאל איז ער פארוואנדלט אין א הונט, ניט שטענדיק לעקט ער די פיס פון די פריצים. עס קומט א מאמענט ווען די מאיעסטעטישע קייזערלעכע געשטאלט גלייכט זיך אויס, און דאמאלט דערזעען מיר אים אין זיין גאנצן פראכט. ווי שטארק נעמען קלאפן די הערצער ווען, מיט פארלייגטע הענט אויפן הארצן מיטן ברענענדיקן קוק, פול מיט שנאה, מיט צארן צו די פייניקער, פארלאזט ער דעם זאל“.

אין דער ראל „שיילאק“ האט א. געמאכט א זייער שטארקן רושם סיי ביים יידישן, סיי ביים ניט-יידישן טעאטער-עולם.

עס הויבט זיך איצט אן די גלאנץ-פעריאד פאר א. עס גרינדעט זיך לכבוד אים „דער אידעאל יעקב פ. אדלער פאריין“, וואס שטעלט זיך די הויפט-אויפגאבע „צו פארשפרייטן קונסט“. דער פאריין גרינדעט א דראמאטישע שול [ב. גאריןס „טעאטער-זשורנאל“ 7, 1902], און ווען אין „יידישן העראלד“ דערשיינט א רעצענזיע קעגן אדלערס שפילן „שיילאק“, פארעפנטלעכט דער פאריין א פראטעסט.

אין יענער צייט הייבט אויך א. אן שרייבן זיין ביאגראפיע, וועלכע ווערט געדרוקט א“נ „מיין לעבענס בעשרייבונג“ אין ב. גאריןס „דער טהעאטער-זשורנאל“ 12-2, 2-1901. די אויטאביאגראפיע איז דא ניט פארענדיקט מחמת קראנקהייט. שפעטער האט א. דיזעלבע זכרונות, אויספירלעך, צוזאמען מיט ווייטער-

דיקע קאפיטלעך [טיילווייז געשריבן און טיילווייז באארבעט, אנאנים, דורך יואל ענטין], געדרוקט א“נ „40 יאהר אויף דער ביהנע“ און דערנאך אונטער פארשיידענע קעפלעך אין „דיא ווארהייט“ [30 אפריל 1916 — 22 פעברואר 1919] און א“נ „מיין לעבען“ אין „די נייע ווארהייט“ [14 מערץ 1925 — 18 יולי 1925]. נאך א.'ס טויט האט שלום פערלמוטער אפגעדרוקט אין „אמעריקאנער“ 26-21, 1926, א טייל פון א.'ס אויטאביאגראפיע.

אין 1902 איז א. ערנסט קראנק געווארן, און מ'האט אים גענומען אין שפיטאל. בעסי טאמאשעווסקי דערציילט אין אירע זכרונות וועגן דעם א זייער כאראקטעריסטישן עפיזאד: בעת א. איז געלעגן אין שפיטאל, איז פלוצלונג דערשינען א מעלדונג אין דער פרעסע, אז אזוי ווי א. האלט ביים שטארבן, בעט ער דעם טעאטער-עולם צו קומען שבת בייטאג אין שפיטאל זיך מיט אים געזעגנען. טויזנטער טעאטער-באזוכער זיינען טאקע אוועק אין שפיטאל, און א. האט זיך דורכן פענסטער מיט זיי געזעגנט. אין די יידישע טעאטערס איז יענעם נאכמיטאג געווען ליידיק. ווי א. האט שפעטער דערציילט, האט ער דאס בכיון געטאן כדי צו ווייזן די טעאטער-דירעקטארן, אז אויב ער וויל, קאן ער קאליע מאכן אפילו אזא זיכערע הכנסה ווי די שבת נאכמיטאג-פארשטעלונג.

ווען א. איז צוריק ארויס פון שפיטאל האט ער אויפגעפירט גארדיןס „עץ הדעת“, באקומענדיק פיל אנערקענונג פאר זיין שפילן די ראל „מאזי סטאלער“.

דא ברעכט אויס א סטרייק פון די אקטיארן, און א. פאראייניקט זיך מיט נאך איייניקע דירעקטארן-אקטיארן און איייניקע ניט יוניאן-אקטיארן. ער שפילט אבער א קורצע צייט, ווייל ס'איז ניט געווען קיין גוט צוזאמענלעבן צווישן די סטארס, וועלכע האבן געוואלט איבערשפילן איינער דעם אנדערן.

אזוי דערציילט קאברין אין זיינע זכרונות, אז באלד ביי דער ערשטער פארשטעלונג, ווען אלע 3 סטארס: טאמאשעווסקי, קעסלער און אדלער האבן געשפילט זיין [ק.'ס] פיעסע, „בערטשיק אין אמעריקע“, און א. האט געשפילט די ערנסטע דראמאטישע ראל, וועלכע בלאנק האט פריער געשפילט, איז די בינע פארוואנדלט געווארן אין א משוגעים-הויז:

„אדלער טרעט אויף אין איר רייטנדיק אויף א בעזים, מיט א ווילדער בארד און מיט ברילן אויפן שטערן. ער הויבט אן דערציילן עפעס א מעשה וועגן „סעמעטשקעס“. דער עולם לאכט. דא פארלירט זיך טאמאשעווסקי. ער דערזעט, אז אדלער נעמט אוועק ביי אים זיין קאמיזם, צעלאכט ער זיך אויך . . . אויס פיעסע, אויס ראל, אויס קאמף אויף לעבן און טויט קעגן די סטרייקער . . . אויף דער בינע שטייען „סטארס“, וואס יעדער פון זיי רייסט איינער ביים אנדערן דעם אפלאדיסמענט און דעם געלעכטער פון פובליקום.“

איצט פארט א. קיין אייראפע, וואו ער שפילט איייניקע פארשטעלונגען אין לאנדאן און בערלין, און באזוכט זיין מוטער און שוועסטער אין אדעס.

נאך זיין צוריקקומען אין ניו-יארק שפילט א. א קורצע צייט אין פיפלס טעאטער, דאן באשליסט ער זיך צוריקצוציען פון דער בינע, און עדעלשטיין מיט טאמאשעווסקין צאלן אים אויס [לויט בעסי טאמאשעווסקי] צען טויזנט דאלאר בתנאי, אז ער טאר מער אין ניו-יארק ניט שפילן, אבער א. נעמט באלד דערויף איבער דאס גרענד-טעאטער, וואס סאפיע קארפ, בערל בערנשטיין, מארים פינקל און לואיס גאטליב האבן ספעציעל אויפגעבויט פאר א יידיש טעאטער.

אין דאזיקן טעאטער האט א. ערשט באקומען די מעגלעכקייט

צו ווייזן זיין רעפּערטואַר. אַ חוץ די שוין געשפּילטע פּיעסן, האָט ער אויפגעפירט אין 1903 ליבינס „געבראָכענע הערצער“, גאָרדינס „שלמה חכם“, אין 1904 גאָרדינס „אמתע קראַפט“, אין 1905 גאָרדינס „מטורף“, וואו ער שפּילט „בן-ציון“, וועלכע אַ. האַלט פאַר זיין בעסטער ראָל. אין זעלבן יאָר פירט ער אויך אויף טאָלסטאָיס „מאַכט פון פינסטערניש“, איבערזעצט פון גאָרדין.

אין דער צווישנצייט שפּילט אַ. אויך אַ רעכט ביסל מעלאָדראַמען און אָפּערעטן פון ביליקן סאָרט, און דערלויבט זיך דערביי צו מאַכן די ביליקסטע עפעקטן, אָבער אין 1906 פירט ער אויף 3 פּיעסן מיט וועלכע ער פרישט אויף זיין פריערדיקן פּרעסטיזש: קאָברינס „גרויסער ייד“, גאָרדינס „אלישע בן-אבויה“ און „דער פרעמדער“. אין 1907 פירט אַ. אויף אין צוזאַמענהאַנג מיט שלום-עליכמס קומען, ש״ע׳ס דראַמע „אויסוואורף“ אָדער „שמואל פּאַסטערנאַק“, און אין 1908 פאַרענדיקט ער זיין שפּילן אין גרענד-טעאַטער מיט גאָרדינס לעצטע פּיעסן „גלות גאַליציע“ און „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ“.

צוליב אַ סכסוך פאַרלירט אַ. זיין טעאַטער, און ער הייבט אָן וואַנדערן איבער אַנדערע טעאַטערס. ער נעמט איבער דאָס טאַליאַ-טעאַטער, וואו ער שפּילט 2 יאָר. דאָ פירט ער אויף אין 1911 טאָלסטאָיס „דער לעבעדיקער מת“ (איבערזעצט פון קאָברין).

די מיינונגען וועגן זיין שפּילן די ראָל „פעדיאַ פּראָטאַסאָוו“ זיינען געטיילט. בעת דער קריטיקער אוריאל מזיק שרייבט, אַז „דער לעבעדיקער מת“ ווערט פון אַדלערן ניט גוט געשפּילט; עס ווערט ניט געשאַפן דער טיפּ, וואָס איז געצייכנט געוואָרן אין דער פּיעסע, און עס קומט אַרויס אַ זאַך, וואָס איז ווייט ניט קינסטלעריש, — איז קאָברין נתפעל פון אַ.׳ס שפּילן די דאָזיקע ראָל אויף אַזאַ שטילן אופן:

„קיין איין הויכן געשריי לאָזט ער ניט אַרויס. שטיל, מיט אַ פייַנער צוריקגעהאַלטנקייט און מיט אַ שטילן, שפּאָטיש-פילאָזאָפישן שמייכל אויף דער גאַנצער וועלט באַווייזט זיך אַדלער-פּראָטאַסאָוו איבער דער בינע, און זעט אויס יעדער אינטש דער פריערדיקער רוסישער אַריסטאָקראַט, וועלכער זוכט אַ וועלכן-ניט-איז אינהאַלט פאַר זיין פּוסטן לעבן אין די הוליאַנקעס צווישן די ציגיינער; אין זיין ליבע צו דער ציגיינערין מאַשאַ און אין דער געזעלשאַפט צווישן די שכורים אין שענק.

און אָט זיצט ער אין שענק ביי אַ טיש, און דערציילט פאַר אַ פּאָר מיט-טרינקער זיין לאַנגע געשיכטע, ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ לעבעדיקער מת, ווי שטיל ער דערציילט זיין געשיכטע. מיט וואָס פאַר אַ פיינע און ווייכע, און פאַרחלומטע און אויך שפּאָטישע טענער ער דערציילט זיי וועגן זיין לעבן.

און די שפּעטערדיקע סצענע ביים סליעדאָוואַטעל, ווי אַזוי ער האָט זיך געהאַלטן אַלס אָנגעקלאָגטער, און ווען ער האָט זיך דאָרט געטראָפן מיט זיין אַריסטאָקראַטישער פרוי, וועלכע איז פאַרהייראַט געווען פאַר אַן אַנדערן, מחמת זי האָט געמיינט, אַז ער איז געשטאָרבן ... ווי זיינע אויגן האָבן געקוקט אויף איר, ווי זיי האָבן זיך געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל אים מוחל זיין, — וואָס פאַר אַ שטילער, שטומער שפּיל דאָס איז געווען, ווי פול מיט עכטן נשמה-ליריזם!

אפילו דער אופן ווי אַזוי ער האָט זיך דאָרטן דערשאָסן האָט נישט צעשטערט די שטילע נשמה-שטימונג. שטיל ווי אַ שאָטן האָט ער זיך אָפּגעטראָגן, און אַ שאָס האָט זיך דערהערט ...“

וועגן אַ.׳ס שפּילן בכלל און וועגן אים אַלס רעזשיסער זיינען כאַראַקטעריסטיש פאָלגנדיקע מיינונגען:

דער קריטיקער אוריאל מזיק כאַראַקטעריזירט אַזוי אַ.: „ער איז אַ שיינער, איינער פון די סאַמע שענסטע צווישן אונזערע אַקטיאָרן. ווען אפילו ער וואָלט גאָר קיין טאַלאַנט ניט געהאַט, ווען ער וואָלט געווען דער סאַמע ערגסטער אַקטיאָר, אפילו דאַן וואָלט מען אים, צוליב זיין וואונדערבאַרן אויסזען, באַמערקט און ליב געהאַט, ווארום ער איז צווישן יידן, צווישן די אומעטיקע, צעבראָכענע, פאַרטרויערטע מענטשן, אַן אויסנאַם אויף דער בינע. אַרום אים פילט זיך יום-טוב, ערהאַבנקייט.

ניט אומעטום איז אַדלער אויפן ריכטיקן פּלאַץ. פּונקט אַזוי ווי ס׳זיינען דאָ ראָלן אין וועלכע ער איז דער איינציקער און גרעסטער, אַזוי זיינען פאַראַן ראָלן צו וועלכע ער פּאַסט זיך ניט גענוג. מער ניט, וואָס ער האָט אַ גרויסן כח אונז אַליין צו באַאיינפלוסן, אַז מיר זאָלן אים גלויבן, און ער קאָן אונז מאַכן דענקן, אַז אַלץ וואָס ער טוט, איז גוט, אָן דעם קלענסטן חסרון.

אַדלער האָט פיל כח, זיין געשריי איז מעכטיק, זיין געוויין איז האַרצרייסנד. מיט זיינע ליידן מאַכט ער, אַז אַלע זאָלן מיט-געריסן ווערן. ער שטעקט אָן מיט זיין ווייטאָג, מיט זיינע יסורים.

ער איז דער אַלטער בעל-תפלה אויף אונזער בינע. ער טוט זיין אַרבעט מיט יענעם פייער, מיט יענער גאַנצקייט, וואָס האָט געוואַרעמט די הערצער פון אונזערע טאַטעס און זיידעס, און וואָס האָט געוואַרעמט די הערצער פון אַלע יענע ביי וועמען עס האָט געלעבט אַ גאָט אין האַרצן.

ווען מיר ווילן זיך אַנוואַרעמען, ווען מיר ווילן איינאָטעמען אין זיך די לופט פון דער פאַרגאַנגענער צייט, מוזן מיר גיין צו אַדלערן. ער איז דער איינציקער פאָרשטייער פון יענער צייט“.

אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג וועגן אַ.׳ס שפּילן האָט געהאַט קעסלער, וועלכער האָט זיך אַמאָל צו אים אויסגעדריקט [לויט מ. אָשעראָוויטש]:

—„איר פאַרשטייט, די צרה מיט אייך באַשטייט אין דעם, וואָס איר ווילט דוקא שפּילן מיט קינצעלעך ... איר האָט ניט ליב אַרויסצוגיין אויף דער בינע ווי אַ מענטש, איר מוזט דוקא אַרונטערפליען פון אַ וואָלקן, אַרויסשפּרינגען פון הינטער דער ערד, אָדער אַרויסקריכן פון אַ קוימען ... דאָס טויג ניט, מען דאַרף שפּילן אָן קינצעלעך ...“

לעאָן קאָברין כאַראַקטעריזירט אַזוי אַ. אַלס אַקטיאָר, רעזשיסער און מענטש:

„אַדלער האָט געהאַט זיין אייגנאַרטיקן סטיל ווי יעדער אמתער קינסטלער. ער האָט שטענדיק געשאַפן אַרום זיך אַן אַטמאָספערע אויף דער בינע, וואָס איז געווען זיינס, אַ טייל פון אים, און נאָר פון אים. ער האָט געהאַט ז י י ן שמייכל, ז י י ן קול, ז י י ן באַטאָנונג, און באַזונדערס יענע פּלאַסטישע, כמעט קלאַסישע שיינקייט, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך דעם פון דער נאַטור אַליין אויסגעגאָסענעם סטעמפּל „אַדלער“.

נאָך מיין מיינונג איז ער ווי געבוירן געוואָרן צו שפּילן ראָלן פון די קלאַסישע העלדן.

אַ מענטש מיט אַזאַ פיגור, מיט אַזאַ פּנים, מיט אַזאַ קאָפּ, מיט אַזאַ בליק און שמייכל, מיט אַזאַ האַלטונג אויף דער בינע, האָט געמוזט באַכשופן מענטשן, ווען ער זאָל אפילו ניט זיין אַזאַ גרויסער אַקטיאָר.

קיין רעזשיסער אין אמתן זין איז ער קיינמאָל ניט געווען. אמת, ער האָט זיך זייער ערנסט אָפּגעגעבן מיט דער אויפפירונג פון אַ פּיעסע, ער האָט אָבער שטענדיק זיינע ביידע אויגן געהאַלטן אויף זיין ראָל.

געקומען צו דער פּראָבע שטענדיק מיט אַ גרויסן באַשריבענעם העפט, וואו עס איז אויסגעשריבן געווען אין אַלע פּרטים וואָס ער, די הויפּט-פּערזאָן פון דער פּיעסע, דאַרף טאָן, און וואו דער „ספּאָט-

ליט" [רעפֿלעקטאָר] דאַרף אויף אים פֿאַלן, און וואו דער באַס פֿונם אָרקעסטער דאַרף צו אים אַ רייד טאָן, און וואו דאָס פּיז'עלע דאַרף זיך איבער זיינע יסורים צעקרעכצן . . .

אין יענעם העפֿט איז אויך אָנגעמערקט געווען די טועכץ פֿון אַנדערע פּערזאָנען, אָבער נאָר אויף אַזוי ווייט וויפֿיל דאָס האָט געזאָלט אַרויסברענגען זיין אייגענע טועכץ.

ער האָט געקאָנט שפּילן אַ פּיעסע חדשים לאַנג, האָט ער תמיד ביי יעדער פֿאָרשטעלונג צוגעגעבן עפּעס נייעס, אַ נייעם שטריך, אַ קרעכץ, אַ געלעכטער, אַ געשריי, אַ באַלייכטונג פֿון אַ לאָמפּ, אַ באַזונדערע שיינע פּאָזע . . .

ער האָט שטענדיק פֿון זיין ראָל געטראַכט, זי צו פֿאַרשענערן געזוכט און דורך איר זיין שפּילן. אָבער אָפֿט האָט ער עס געטאָן אויפֿן חשבון פֿון די אַנדערע ראָלן און פֿון דער גאַנצער פּיעסע.

ער איז געווען דער גרעסטער מייסטער אין גרימירן זיך, אָבער ווי ער האָט זיך ניט פֿאַרגרימירט, זיינע באַזונדערע אייגנטימלעכקייטן האָט זיין גרים ניט געקאָנט פֿאַרדעקן. אַדלערן האָט מען גלייך דערקענט ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע.

ער האָט וואונדערלעך דערציילט [פּריוואַט] אַ מעשה, צי אַן אַנעקדאָט, מאַלעריש און מיט אמתן געזונטן און נאָך אָפּטער מיט שטיפֿעריש הומאָר. ס'רוב האָט ער דערציילט וועגן טעאַטער-מענטשן, וועגן אַקטיאָרן, פֿאַרפֿאַסער און אַמאָל וועגן זיך אַליין. זיך אַליין האָט ער אויך ניט געשאַנעוועט, ער האָט הנאה געהאַט צו דערציילן וועגן זיינע אייגענע „שטיפֿערייען", אַמאָל בייזע, אמת טיוולשע, און פֿאַר הנאה האָט ער גאָרניט געפֿילט ווי אַזוי ער קיבעצט אַריין זיך אַליין" . . .

אב. קאַהאַן, וועלכער האָט געהאַט די מעגלעכקייט נאָכצופֿאָלגן א.'ס טעאַטער-קאַריערע אין אַמעריקע, כאַראַקטעריזירט אים אַזוי:

„ער האָט געהאַט דראַמאַטישע קראַפֿט און אַ געבוירענעם חוש צו סצענישע עפֿעקטן. ריידן אויף דער בינע איינפֿאַך, נאַטירלעך, האָט ער קיינמאָל זיך נישט אויסגעלערנט. דאָס איז געווען קעגן דער ספּעציעלער סאָרט קינסטלערישע נאַטור, וואָס ער האָט געהאַט. אים האָט געצויגן צו מעלאָדראַמע אַ סך מער ווי צו דראַמע אין אַ רעאַליסטישן זין, אָבער זיין מעלאָדראַמאַטיזם האָט אין זיך געהאַט אַ פּאָעטישן שוואונג. וואָס מער איך בין באַקאַנט געוואָרן מיט זיין שפּילן, אַלץ מער בין איך איבערצייגט געוואָרן, אַז ער איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו שעקספּיר-ראָלן, וואו דעקלאַמאַציע איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך. אין אַזעלכע ראָלן וואָלט ער אַריינגעגעבן קלאַסישע שיינקייט, ווי מען רופֿט דאָס.

אין זיין גרימירן זיך גופֿא פֿלעגט ליגן קינסטלערישע אָריגינאַליטעט. אויף דער בינע איז ער אימער געווען בילדלעך און איינדרוקספֿול. אַזוי פֿלעגט ער זיין אין די אַלטע שונד-פּיעסן, וואָס ער פֿלעגט שפּילן אין רוסלאַנד, און דערנאָך אין לאָנדאָן און נאָך שפּעטער אין שיקאַגאָ און אין ניו-יאָרק, און אַזוי איז ער געבליבן אין גאָרדינס פּיעסן. אין דיזער באַציאונג האָט גאָרדין נישט געהאַט וואָס אויפֿצוטאָן פֿאַר אים. גאָרדינס ראָלן האָבן אָבער פֿאַר אים אויפֿגעעפֿנט אַ ברייטערע וועלט, אַ רייע מיט נייע מעגלעכקייטן. ער האָט, אַלזאָ, זיך אויך אַנטוויקלט אין זיי.

אַלס פּערזענלעכקייט איז ער געווען די אינטערעסאַנטסטע און בולטסטע פֿיגור צווישן אַלע יידישע שוישפּילער".

די איינציקע פּיעסן מיט וועלכע א. האָט געהאַט דערפֿאָלג אין טאַליאַ-טעאַטער זיינען געווען: אַ באַנייטע אויפֿפֿירונג פֿון גאָרדינס „אלישע בן-אבויה", וואָס איז פֿריער ביי דער פּרעמיערע דורכגעפֿאַלן, און קאָבּרינס דראַמע „שונאים". אָבער די שטרעבונג נאָכצוטאָן די אַנדערע טעאַטערס, וועלכע האָבן געשטעלט שונד-פּיעסן און געמאַכט גוטע געשעפֿטן, ברענגט א. דערצו, אַז ער הייבט אָן [לויט ב. גאָרין] שטעלן אויך נאַריש שטיק נאָכן צווייטן. זיי פֿאַלן אַלע דורך, און דער סוף איז, אַז אין 2 סעזאָנען פֿאַרלירט א. אַזויפֿיל געלט, אַז ער האַלט זיך שוין אָפּ צו נעמען אַליין אַ טעאַטער, און ער שפּילט ביי אַנדערע פֿאַר שכירות אָדער מאַכט אַזעלכע שותּפֿות-באַדינגונגען, אַז ער זאָל ניט קאָנען פֿאַרלירן קיין געלט.

דאָ הייבט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד אין א.'ס לעבן. קיין נייע ראָלן אין וועלכע ער זאָל זיך אויסצייכענען, שפּילט ער שוין ניט. ער מוז נאָכקומען די קאַפּריזן פֿון זיינע דירעקטאָרן, און שפּילן די פּיעסן, וועלכע זיי גיבן אים. דעם 30 אויגוסט 1917 עפֿנט ער ווידער דאָס גרענד-טעאַטער מיטן „יידישן קעניג ליר", דעם 14 סעפּט. 1917 טרעט ער אפֿילו אַרויס אין אַ נייער ראָל: „אברהם פּרנס" אין משה ריכטערס „דער יידישער שטאָלץ" אָדער „דער מאָדערנער איוב", אָבער ער בלייבט ניט לאַנג אין דאָזיקן טעאַטער. אין 1918 שפּילט א. אין פֿילאַדעלפֿיער אַרטש סטריט-טעאַטער, דערנאָך אַ קורצע צייט אין די ניו-יאָרקער נעשאָנאַל, סעקאָנד-עוועניו, און פּיפּלס טעאַטער, סוף סעפּטעמבער 1919 קומט א. קיין לאָנדאָן, און שפּילט דאָרט אַ סעזאָן מיט זיין פֿרוי, סאַראַ, מיט זיינע טעכטער פֿרענציס און דזשוליאַ און א. בוזעט.

ווען א. קומט דערנאָך צוריק אין אַמעריקע, פֿילט ער זיך שוין קראַנק, אַזוי, אַז ער מוז זיך באַגנוגענען מיט געבן אין משך פֿון סעזאָן געציילטע פֿאָרשטעלונגען, אַרויסטרעטנדיק אין זיינע קרוין-ראָלן. שפּעטער מוז ער זיך באַגרעניצן מיטן שפּילן בלויז אויף זיינע יערלעכע בענעפֿיסן, וועלכע דינען אים אַלס איינציקע הכנסה, אָבער ווערנדיק כמעט פּאַראַליזירט, איז אים אין דער לעצטער צייט אויך שווער אַרויסצוטרעטן אויף זיינע בענעפֿיסן, און ער שפּילט נאָר בלויז 1 אַקט, ווערנדיק פֿאַרטראָטן אין די איבעריקע אַקטן דורך אַנדערע אַקטיאָרן.

א. האָט קורץ פֿאַר דער וועלט-מלחמה געשפּילט די טיטל-ראָל אין פֿילם „מיכאַאיל סטראָגאָוו" נאָך זשול ווערנס ראָמאַן „דעם צאַרס קוריער", אויסגעפֿירט דורך דער לובין-פֿילם קאָמפּ. אין פֿילאַדעלפֿיע.

לויט איזידאָר קעשיער פֿלעגט א. אין די יונגע יאָרן לערנען זיינע ראָלן אויף פֿאָלגנדיקן אופֿן: ער פֿלעגט די ראָלן פֿריער אָנשרייבן מיט בליי, דערנאָך, חזרנדיק, איבערציען מיט שוואַרצן טינט, און שפּעטער, ווידער חזרנדיק, איבערגיין די שוואַרצע שריפֿט מיט רויטער טינט. אויף די עלטערע יאָרן פֿלעגט א. אויפֿנעמען זיינע ראָלן אויף אַ גראַמאָפֿאָן-וואַלץ און זיי פֿון דאָרט, זאַץ נאָך זאַץ, לערנען.

אַלט און שוואַך איז א. דעם 22טן פֿעברואַר 1925 דאָס לעצטע מאָל אַרויסגעטראָטן אין מאַנהעטן אָפּערע-הויז אויף זיינעם אָנערן-אָוונט, אויף וועלכן דער גרויסער עולם און די אַקטיאָרן האָבן אים צוגעטיילט זייער פֿיל כבוד.

דעם 31טן מערץ 1926 האָט א. באַקומען אַ בלוט-שטורץ, און נאָך עטלעכע מינוט איז ער געשטאָרבן.

א.'ס ליבע און געוואוינהייט צו טעאַטראַלע עפֿעקטן האָט זיך אפֿילו אויסגעדריקט אין דער באַציאונג צו זיין לויה:

3 יאָר פֿאַר זיין טויט האָט זיך א. געווענדעט צום אַנדערטייקער [קבֿרן] זיגמונט שוואַרץ מיט פֿאָלגנדיקע ווערטער: „נו, שוואַרץ, דו יאָגסט זיך נאָך מיר, דו ווילסט מיך שוין האָבן ביי זיך? גוט, דו קריגסט דעם דזשאַב [אַרבעט], נאָר שרייב אונטער, אַז דו וועסט מיר מאַכן די שענסטע לויה, וואָס אַ יידישער טעאַטער-קינסטלער האָט ווען געהאַט. איך מוז האָבן אַזאַ לויה ווי יעקבֿ גאָרדין. פֿאַרגעס ניט, אַז ס'איז דזשייקאָב פּ. אַדלער, דער זשעני פֿון יידישן טעאַטער".

די לויה, איינגעאָרדנט אויפֿן חשבון פֿון דער אַקטיאָרן-יוניע, איז געווען אַ גראַנדיעזע. צענדליקער טויזנטער פֿון דער ניו-יאָרקער

טינט. אויף די עלטערע יאָרן פלעגט אַ. אויפנעמען זיינע ראָלן אויף אַ גראַמאָפאָן-וואַלץ און זיי פון דאָרט, זאָץ נאָך זאָץ, לערנען.

אַ. איז געקומען צו זיין אייביקער רו אויפן הר-הכרמל אין ניו-יאָרק.

דעם 21 מערץ 1928 איז דורך אַ ספּעציעלן קאָמיטעט איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מעמאָריאַל-פאָרשטעלונג, און פון דער הכנסה איז געשטעלט געוואָרן אַ מצבה, לויט דער צייכנונג פון מאָלער פּאַשקאָ, אַן איידעם פון פאַרשטאָרבענעם.

מ. ע. פון יעקב קאַצמאַן, פּראָפ. שטויב, אַנשעל שאָר, זיגמונט שוואַרץ, ה. פּוינשטיין און איזידאָר קעשיער.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, I, זז. 206, 212, 218, 226, 227, 242, II, זז. 34, 38, 39, 50, 52, 61, 62, 124, 132, 133, 150, 151, 158, 159, 177, 180, 181, 182, 205, 206.

יעקב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, מיין לעבענס-געשיכטע און די געשיכטע פון אידישען טהעאַטער, „דיא וואַרהייט“, נ. י. 30 אַפּריל 1916 — 22 פעברואַר 1919.

דזשייקאָב פּ. אַדלער — „מיין לעבען“, „די נייע וואַרהייט“, 14 מערץ 1925 — 18 יולי 1925.

יעקב פּ. אַדלער — די לעבענס-געשיכטע פון יעקב פּ. אַדלער, באַשריבען פון איהם אַליין, „דער טאָג“, נ. י., 20-4 אַפּריל 1926 [איבערגעדרוקט דעם אָנהייב פון דער אויטאָביאָגראַפיע געדרוקט אין „דיא וואַרהייט“].

נעקראָלאָגן אין דער פּעריאָדישער פּרעסע:

לעד פּענסיל — ווען דזשייקאָב פּ. אַדלער באַווייזט זיך אויף דער אידישער טהעאַטער עוועניו. „פאָרווי.“ 13 סעפּט., 1918.

ס. דינגאָל — יעקב פּ. אַדלער, „טעאַטער און קינא“, לאָדזש, 1, 1922.

ח. צערקעזאָן — פון לאָדז קומען אינטערעסאַנטע עראינערונגען וועגען דזשייקאָב פּ. אַדלער, „פאָרווי.“, 22 מאַי, 1926.

ח. עהרענרייך — אינטערעסאַנטע מעשה'לעך וועגען אַדלער'ן אין וועלכע עס שפּיגעלט זיך אָפּ דעם קינסטלער'ס נשמה. „פאָרווי.“, 2 אַפּריל, 1926.

אברהם טייטלבוים — „טעאַטראַליאַ“, וואַרשע, 1929, זז. 12-23.

שלום אַש — עראינערונגען וועגען יעקב אַדלער, „פאָרווי.“, 24 אַפּריל. „היינט“, 21 מאַי, 1926.

מ. אָשעראָוויטש — יעקב פּ. אַדלער'ס לעבען און די פאַרשידענע שטאַפּלען פון זיין קאַריערע אויף דער ביהנע, „פאָרווי.“, 2 אַפּריל, 1926.

גרשום באַדער — אויפ'ן קבר פונ'ם שוישפּילער יעקב פּ. אַדלער, „ייד“ט“בל“, 4 אַפּריל, 1926.

לעאָן בלאַנק — עטליכע פּאַסירונגען פון יעקב פּ. אַדלער'ס קאַריערע, „פאָרווי.“, 2 אַפּריל, 1926.

ב. וולאַדעק — יעקב פּ. אַדלער. „צוקונפט“ 5, 1926.

אוריאל מזיק — בילדער-גאַלערעיע פון אונזערע אידישע שוישפּילער, דער „טאָג“ 16, 23 פעברואַר, 2 און 9 מערץ, 1918.

לעאָן קאָברין — „די עראינערונגען פון אַ דראַמאַטורג“, נ. י. I זז. 37, 119, 123, II 55-94.

שלום פּערלמוטער — יעקב פּ. אַדלער'ס מעמואַרען, „דער אַמעריקאַנער“, 21, 22, 23, 24, 26, 1926.

דר. י. קריטיקוס — אַדלער אַלס קעניג פון דער אידישער ביהנע, „דער אַמעריקאַנער“, 21, 1926.

מאַלי פּיקאָן — מאַלי פּיקאָן וועגען יעקב פּ. אַדלער, „דער אַמעריקאַנער“, 22, 1926.

א. ל. וואָלפסאָן — יאַקאָב פּ. אַדלער [ליד], „דער אַמעריקאַנער“, 24, 1926.

י. נוסינאָוו — די ערשטע באַגעגנישן פון דער אידישער פּרעסע מיטן טעאַטער, „טעאַטער-בוך“, קיעוו 1927, זז. 65-67.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענסגעשיכטע“, ניו-יאָרק, 1916, זז. 133, 135, 138, 139, 153, 154, 155, 162-3, 238-40, 248, 244, 253, 254, 258, 261-2.

אב. קאַהאַן — „בלעטער פון מיין לעבען“, ניו-יאָרק, II. זז. 397-8.

ש. יאַנאָווסקי — 20 יאָהר „פרייע אַרבייטער שטימע“, „פ“א“ש“, נ. י., 1 פעב. 1929.

יעקב פּ. אַדלער — מיין בעסטע ראָל — „בן ציון“, „מאָ“זש“, 5 מאַי, 1922.

שלום אַש — קינסטלער אויף דער אידישער ביהנע, „טעאַטער-וועלט“, וואַרשע, 9, 1908.

געשפּרעך מיט אַדלער'ן — טעאַטער-וועלט“, וואַרשע, 4, 1908.

יהושע מזח — „במת ישחק“, וואַרשא תרן.

יעקב פּ. אַדלער — ספּיוואַקאָווסקי „די צייט“, לאָנדאָן, 1 אָקט. 1919.

חנן י. מיניקעס — „דיא אידישע ביהנע“ (מ. זייפערט'ס „טהעאַטער געשיכטע“).

יעקב פּ. אַדלער — מיין לעבענסבעשרייבונג, „דער טהעאַטער זשורנאַל“, נ. י. 1901-2, 2-9, 11-12.

שלום פּערלמוטער — די פולע לעבענס-באַשרייבונג פון יעקב פּ. אַדלער, „דער טאָג“, נ. י. 1 אַפּריל, 1926.

נחמן מייזעל — יעקב אַדלער, דער באַריהמטער אידישער אַרטיסט געשטאָרבן. „היינט“, 9 אַפּריל. 1926.

דר. ש. מלמד — אַדלערס ירושה, „ייד-קור“, 8 אַפּריל, 1926.

יוסף עדעלשטיין — מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אַדלערן, „מאָ“זש“ 2 אַפּריל, 1926.

א. ג. קאָמפּאַנעיעץ — גאָלדפאַדען און יעקב אַדלער (זכרונות). „או“וואָרט“, בוקאַרעסט 27, 1926.

צ. ה. רובינשטיין — דער נשר הגדול, „טאָג“, 1 אַפּריל 1926.

באָריס טאָמאַשעווסקי — [אַרטיקלען אונטער פאַרשיידענע נעמען], „מאָ“זש“, נ. י. 7, 8, 12, 14, 16, 19, 26 אַפּריל 1926.

י. ענטין — אַדלער דער מאַגנעטישער, „דיא וואַרהייט“, נ. י. 16 אַפּריל, 1916.

י. ענטין — דער לעבעדיגער אוצר פון אידישע טעאַטער געשיכטע, „די וואַרהייט“, 23 אַפּריל 1916.

דזשייקאָב פּ. אַדלער — מיין געבעט, „דיא וואַרהייט“, 28 אַפּריל 1916.

אב. קאַהאַן — „אין די מיטעלע יאָהרען“, נ. י. 1928, זז. 2-350.

הערש שפּילמאַן — עטליכע ניט-פאַרעפענטליכטע בריוו פונ'ם גרויסען אידישען שוישפּילער, יעקב פּ. אַדלער, „דער טאָג“, נ. י. 21 דעצעמבער 1929.

הערש שפּילמאַן — יעקב פּ. אַדלער'ס בריוו צו פאַמיליע און פריינט, „דער טאָג“, נ. י. 22 דעצ. 1929.

אַדלער, ירמיהו

[גאָלדענבערג-טווערסקי]

געב. 3 אָקט. 1881 אין טשערנאָבאָל, אוקראַאינע, אין דער רבנים-משפּחה טווערסקי. דער פאָטער — אַ מלמד מיט סמיכה אויף רבנות. געלערנט אין חדרים, אין טאַלנער קלויז און ביים פאָטער. אַזוי ווי ער האָט ניט געהאַט קיין שטאַרקן חשק צו למודי-קודש, האָט אים דער פאָטער אָפּגעגעבן צו אַ בלעכער, וואו ער האָט נאָר געלערנט 6 טעג, און איז באַלד דערויף אַוועק צו אַן איינבינדער.

אַ חבר, וועלכער האָט צוזאַמען מיט אים געלערנט אין קלויז, אַ בעל-מנגן, רעדט אים צו פּרובן ווערן אַ זינגער, ווייל ער האָט אַ שיינע שטים, און אַזוי באַטייליקט ער זיך אין אַ ליבהאָבער-אויפפירונג פון „שולמית“ אין יעקאַטערינאָסלאַוו, וואוהין די עלטערן האָבן זיך דערווייל איבערגעטראָגן.

2 יאָר שפּילט ער אָפּט יידישע פאָרשטעלונגען מיט „ליבהאָבער“. ביז מען פאַרווערט יידיש טעאַטער, און ער באַטייליקט זיך אין ספּיוואַקאָווסקיס רוסישער אויפפירונג פון „שולמית“. די טרופּע אין וועלכער ער טרעט אַריין אַלס קאָמיקער, פּלאַצט אָבער באַלד, און ער גייט איבער אין דער רוסישער אָפּערעטן-טרופּע פון באָריסאָוו, וואו ער שפּילט 6 יאָר אונטערן נאָמען „בלומענטאַל“. אין דער צייט לערנט ער אָנדערהאַלבן יאָר אין באָגראָגאָווס דראַמאַטישער שול אין כאַרקאָוו.

פון דער רוסישער טרופּע טרעט ער אַריין אין זשיטאָמירסקיס יידישער טרופּע, וועלכע האָט אַרויסגעלאָזט אַן אַפיש, אַז „אַדלער“

קומט צו זיי גאסטראלירן, און אזוי ווי געקומען איז ער, ניט אדלער, האט מען אים א נאמען געגעבן אדלער (גערופן ביי אקטיארן „וואסיעס אדלער"). שפעטער שפילט ער 7 יאר יידיש מיניאטור־טעאטער מיט פאבלערן, דערנאך ארגאניזירט ער אן אייגענע טרופּע איבער רוסלאנד. צוליב די פאגראמען וואנדערט ער אויס קיין קאנסטאנטינאפאל, וואו ער שפילט אנדערהאלבן יאר יידיש טעאטער, דערנאך וואנדערט ער ארום איבער בולגאריע, רומעניע, עסטרייך, דייטשלאנד (5 יאר), און זייט 1926 אין פאריז, וואו ער שפילט מיט הפסקות.

אמפלוא — כאראקטער־קאמיקער.

מ. ע.

אדלער, ישראל

געב. 15 נאוו. 1898 אין לאדזש, פוילן, אין א מיוחסדיקער פאמיליע (פון פאטערס צד—משפחה מיטן דר. אדלער-כהן, רב הכולל פון לאנדאן, די מוטער — אן איייניקל פון גרויס אינדוסטריעלער י. ק. פאזנאנסקי.)

ביז צו זיין בר-מצוה געלערנט אין דער היים, דערנאך אין דער העברעאישער גימנאזיע אונטער דר. ברוידעס פארוואלטונג, שפעטער שטודירט אין פילאסאפישן פאקולטעט פון קראקאווער אוניווערזיטעט.

אונטער דער השפעה פון זיין קוזין, דעם מאלער יעקב אדלער, און פון משה בראדערזאן, צוגעשטאנען צו דער גרופּע „יונג יידיש", וואו ער דעביוטירט א"פ י. שטורם, שפעטער אונטער זיין אייגענעם נאמען און די פסעוודאנימען י. אקווילא און י. נשר באטייליקט זיך אין דער לאדזשער יידישער פרעסע און אין קראקאווער „נאווי דזשענניק", אויך מיט ארטיקלען וועגן קונסט און ספּעציעל יידישע קונסט. ..

אין 1921 ארויסגעגעבן „נאכן שניט", צייט-דראמע אין דריי אקטן, וואלף־פארלאג, לאדזש,

א. האט אויך אנגעשריבן א דריי־אקטיקע קאמעדיע „דאס אומגליק מיט דער יידישער נאז"

זייט 1925 געפינט זיך א. אין ארץ־ישראל.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, ז. 44.

הלל צייטלין — די יונגסטע משיח זוכעריי, „מאמ.", ווארשע, 9 דעצ. 1921.

אדלער, סטעלא

געב. 10 פעב. 1903 אין ניו־יארק, אמעריקע. עלטערן — די שוישפּילער יעקב פּ. און סערא אדלער.

געענדיקט פּאבליק, הא־סקול און געלערנט 2 יאר אין „ניו-יארק יוניווערזיטי". שוין אלס קינד האט א. אנגעפאנגען שפּילן אין איר פאטערס טרופּע, און אין משך פון איר קאריערע איז איר אויסגעקומען צו שפּילן מיט קעסלער, מאגולעסקא, קאליש, ליפּצין און בן־עמי.

א. האט געלערנט אין באלעסלאווסקיס דראמאטישער סטודיע אין ניו-יארק.

1920־4 האט זי געשפּילט אויף דער ענגלישער בינע צוזאמען מיט ראבערט עדיסאן, דאלבורך בלין, לואי מען א. א.

1926-7 האט א. געשפּילט אין אירווינג פּליים-טעאטער, 1928-9

אין נײשאנאל-טעאטער און 1929-30 אין יידישן קונסט-טעאטער.

אמפּלוא — דראמאטיסטין.

ש. ע.

אדלער, סעם

[געב. בערך 1868 — געשט. 26 נאוו. 1925]

געב. בערך 1868 אין זוועניגאראדקע, פּאלטאווער גוב. אוקראינע. וועגן זיין יוגנט איז גארניט באוואוסט. אויך איז ניט באקאנט אויב דער נאמען אדלער איז זיין ריכטיקער, אדער נאר א פּסעוודאנים. זייענדיק פון נאטור אן איינגעשלאסענער מענטש, האט ער קיינמאל ניט גערעדט וועגן זיין פארגאנגענהייט אדער פאמיליע-פארהעלטעניש. א. האט זיך מיט קיינעם ניט צו נאנט געחברט, זעלטן ווען מיט עמיצן קארעספּאנדירט. דאס איינציקע וואס האט אים געזעלשאפטלעך פארבונדן מיט דער וועלט, איז געווען זיין צוגעהעריגקייט צו די פּריימויערער. זיין נאנטסטער פריינט איז געווען א טשערעפּאכע, וועלכע ער האט געהאדעוועט און כמעט שטענדיק געהאט מיט זיך.

אין די אכציקער יארן פון 19טן יארהונדערט וואנדערט א. ארום איבער די קליינע שטעטלעך פון גאליציע אונטער דער קאנצעסיע פון וואלגעשאפען מיט די אקטיארן שמואל לוקאטשער, מייעראוויטש און פרוי, ליזע איינהארן א. א.

בערך אין 1888 טרעפן מיר אים שוין אין ניו-יארק, וואו ער גרינדעט צוזאמען מיט לייבוש גאלד, מ. נאכאמקוס, א געוויסן שווארץ און קוראזש אן אקטיארן-יוניע, וועלכע צעפאלט זיך אבער באלד צוליב דעם וואס עס זיינען אין איר אויך אריינגענומען געווארן די בעלי-הבתים פון די טרופּעס.

אין 1900 קומט א. צוריק קיין רוסלאנד און טרעט אריין אין דער אדעסער טרופּע פון ספּיוואקאווסקי-פישזאן. זיין קומען איז א וויכטיק געשעעניש פארן יידישן טעאטער אין רוסלאנד, ווארום ער ברענגט מיט זיך מיט דעם נייעסטן רעפּערטואר פון אמעריקע און צוגלייך א מאדערנעם ארט פון אויפפירן פּיעסן.

אין 1901 פירט ער אויף אין קיעוו גאלדפאדענס „עקדת יצחק" אויף אזא רייך טעאטראלן אופן, אז ער דערהויבט מיט איין מאל דעם געפאלענעם פּרעסטיזש פון דארטיקן יידישן טעאטער.

אין יענער צייט פירט אויך א. דורך א גרינדלעכע רעפארם בנוגע דעם האנאראר פון יידישן אקטיאר. ביז דאמאלט האבן עקסיסטירט אין רוסלאנד די אזוי-גערופענע מארקן-טרופּעס, א סיסטעם, וואס האט די פארשטייער פון די טרופּעס געגעבן א לייכטע געלעגנהייט צו עקספּלאאטירן די אקטיארן. א. איז דער ערשטער צו אנגאזשירן א טרופּע אויף באשטימטע שכירות.

אין 1903 גאסטראלירט א. א יאר צייט ביי משה שאר אין גאליצישער פּראווינץ, וואו ער פירט אויף דעם ניי-געבראכטן רעפּערטואר („אשה רעה", „עזרא דער אייביקער ייד", „כל נדרי", „קרחס אוצרות"), און פארט פון דארט ווידער אפּ קיין רוסלאנד. אין 1905 האט א. בשותפות מיט ספּיוואקאווסקין די דירעקציע איבער א יידישער טרופּע אין אדעס, און עס ווערט צווישן זיי און שלום-עליכמען געשלאסן א קאנטראקט, אז זייער טעאטער ווערט פארוואנדלט אין א „יידיש ליטעראריש קונסט-טעאטער", וואס וועט אויפפירן די דראמאטישע ווערק פון שלום-עליכם און פּיעסן פון אנדערע מחברים, וועלכע שלום-עליכם וועט קאנטראלירן און בא-

שטעטיקן, אַז זיי זיינען ראוי געשפּילט צו ווערן. דער פּלאַן ווערט ניט פאַרווירקלעכט, ווייל די קאָנקורענץ האָט געמסרט צו דער מאַכט, אַז דאָס ניי-געפּלאַנטע טעאַטער באַהאַלט אין זיך אַ רעוואָלוציאָנערע טענדענץ, און די רעגירונג האָט תיכף די אונטערנעמונג דערשטיקט.

אין 1905 פירט א. צוזאַמען מיט ווייספעלדן דאָס טעאַטער נאָווי אין וואַרשע, און שפּילט דאַמאָלט צום ערשטן מאָל מיט מעטערסאָן שילערס „רויבער" אויף יידיש.

אין 1907 האָט א. אַ גרויסן טעאַטראַלן דערפאָלג מיט זיין אויפפירונג פון גאָלדפאַדנס „לא תחמוד" אין קיעוו, און אין 1909 פאַרוואַנדלט ער אין יעקאַטערינאָסלאַוו זיין באַנייטע אויפפירונג פון „שולמית" אין אַ ריזיקן ספּעקטאַקל, אַרויספירנדיק אויף דער בינע, אין דער סצענע פון עולה-רגל-זיין, ביז הונדערט אנטיילנעמער, דערהויבנדיק אין דער דאָזיקער שטאָט דעם פּרעסטיזש פון יידישן טעאַטער, וואָס איז דאָרט געווען זייער געפאַלן צוליב דער פירונג פון פריערדיקע יידישע טעאַטער-דירעקטאָרן.

אין זין פון סאָלידקייט און פּרינציפּיעלקייט איז די פירמע „סעם אַדלער פון אַמעריקע" געווען די ראַיעלסטע און פאַרטרויאונגסווערטסטע. ס'איז ניט געווען קיין שטאָט אין יידישן תחום אין רוסלאַנד, וואוהין ס'האָט ניט דערגרייכט זיין שטענדיק גוט אָרגאַניזירטע אָפּערעטן-און דראַמען-טרופּע. זי איז אויך אַ לאַנגע צייט געווען די איינציקע אין רוסלאַנד, וואָס האָט געהאַט אַ צוטריט צו שפּילן מחוץ לתחום — אין פּעטערבורג און קיעוו, — וואו א. איז פון אַלע שיכטן פון דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג זייער וואַרם אויפגענומען געוואָרן.

אַקטיאָרן האָבן געהאַלטן פאַר אַ כבוד צו זיין אַנגאַזשירט אין דער טרופּע פון סעם אַדלער, און פאַר די יונגע שוישפּילער איז עס געווען אַ הויכע מדרגה צו שפּילן אין דער דאָזיקער טרופּע. א. איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט צוגעצויגן צו דער יידישער בינע די אינטעליגענטע כחות, און זיי דערמוטיקט פאַרן יידישן טעאַטער. צווישן זיינע תלמידים געפינען זיך: יעקב בן-עמי, לאַזאַר פריד, אסתר נעראָסלאַווסקאַ, סעמיועל גאָלדענבורג, וואָלף זילבערבערג, גרינשפּאַן, אברהם טייטעלבוים א. א.

א. האָט שטענדיק אַכטונג געגעבן, אַז די מיטגלידער פון זיין טרופּע זאָלן זיך אין יעדער שטאָט אויפפירן טאַקטפול און פאַראַנטוואָרטלעך, און אָפּהיטן זייער געזעלשאַפטלעכע שטעלונג, אָבער נאָך שטרייַנגער איז געווען זיין בינע-דיסציפּלין. די פּראָבן און די פאָרשטעלונגען האָבן געמוזט אָפּגעהיט ווערן מיט דער שטרענגסטער, ביז דאַמאָלט ניט פּראַקטיצירטער, פּינקטלעכקייט. נבול-פּה און צווייַדייטיקייטן זיינען פולשטענדיק באַזייטיקט געוואָרן. די שפּראַך און דאָס שפּילן — אַפילו פון די ביליקסטע פּיעסן — האָט געמוזט זיין ריין.

א. שטעלט אַוועק אויך די געשעפטלעכע זייט פון יידישן טעאַטער אויף פעסטערע יסודות, פירט טורנעען לויט אַ פריער באַשטימטן פּלאַן און דערוועקט אַפילו ביי די רעגירונגס-באַאַמטע אַזאַ רעספּעקט, אַז מען איז ניט מקפּיד אויף אים ווען ער ענדערט די פירמע פון זיין טרופּע פון „דייטשע טרופּע" אויף „יידיש-דייטשע טרופּע".

אַליין דער קאָמיקער פון דער טרופּע, האָט זיך א. קיינמאָל ניט דערלויבט ביליקע איבערטרייבונגען און האָט גיכער ניט דערשפּילט אַ ראָל ווי איבערגעשפּילט.

א. האָט קוים געקענט שרייבן אַביסל יידיש, אָדער יידיש מיט לאַטיינישע אותיות, אָבער באַזיצנדיק אַן איינגעבוירענע אינטעליגענץ, האָט א. תמיד געזוכט דאָס פיינערע און שענערע אויף דער בינע.

אין די לעצטע פאַר-מלחמה-יאָרן האָט א. פאַרלוירן אַ סך געלט אין זיינע אונטערנעמונגען, זיין אונטערנעמונג-גייסט איז שוואַכער געוואָרן. ער האָט מער ניט באַוויזן צו אָרגאַניזירן טרופּעס אויפן זעלבן אופן ווי פריער. זיינע וויכטיקסטע אַקטיאָרן זיינען זיך צעפאָרן איבער דער וועלט, פּלעגט א. דעריבער אַרומפאָרן איבער קליינע שטעט מיט קליינע טרופּעס, וועלכע זיינען אים אָבער ניט געווען צום האַרצן, און דורכן שפּילן פון די דאָזיקע טרופּעס האָט א. אָנגעהויבן פאַרלירן זיין אַמאָליקע פּאָפּולאַריטעט.

ווען א. קומט צוריק קיין אַמעריקע, ווערט ער דורך דער באַמיאונג פון בן-עמי אַריינגענומען אין שניצערס גאַרדן-טעאַטער, וואו ער ווירקט מיט אין קליינע, אומבאַדייטנדיקע ראָלן.

די יידישע אַקטיאָרן-יוניע העלפט אים מאַטעריעל, אָבער צוליב זיין איינגעבוירענעם שטאָלצן כאַראַקטער, ציט ער זיך אַליין צוריק אין שאָטן, ביז אין 1922 פאָרט ער צוריק קיין אייראָפּע, שפּילט אין קאָוונע, ווערט פּלוצלונג הייזעריק, טרעט נאָך אויף אין דעצעמבער 1922 אין לאָדזש אין קאָבריןס „די קראַפט פון דאָלאַר" („קאַרל מאַרקס" אָדער „די שונאים"), אָבער מוז, לויט דער עצה פון די דאָקטוירים, תיכף אָפּפאָרן קיין ווין זיך אָפּערירן.

דאָ האָט ער נאָך די געלעגנהייט צו באַטייליקן זיך אין אַ קליינער ראָל אין דעם פילם „יזכור", געשפּילט דורך שוואַרצעס טרופּע, און אין נאָך איניקע קליינע ראָלן אין פילמען ביי דער זעלבער פילם-געזעלשאַפט.

געוואוינט האָט א. אין ווין איינזאַם און פאַרלאָזן אין אַ קליין צימערל אין אַ פאַרוואָרפן געסל, ערגעץ הינטערן „פּראַטער שטערן". ניט-טאָרנדיק ריידן, פּלעגט ער גאַנצע טעג זיצן אין די קאַפעהייזער שטייף און קאַלט ווי אַ סטאַטוע, אָפּט אַנגעכמורעט און פאַרברוגזט.

די אונטערשטיצונגען, וועלכע ער האָט באַקומען פון זיינע תלמידים פון אַמעריקע, זיינען פאַרשלונגען געוואָרן אויף הייל-מיטלען. זומער 1925, ווען זיין געזונט-צושטאַנד האָט זיך פיל פאַרערגערט, און ער האָט פּשוט געהונגערט, האָט ער ענדלעך דערלויבט צו פאַרעפנטלעכן אַן אויפרוף אין דער פּרעסע וועגן זיין לאַגע. אָבער דער אויפרוף האָט געבראַכט נאָר נישטיקע רעזולטאַטן.

פאַר דער גסיסה האָט א. באַקומען אַ שיפסקאַרט קיין אַמעריקע, וואוהין ער האָט אָבער ניט געוואָלט פאָרן אַלס אינוואַליד, און אַזוי איז ער דעם 26טן נאָוועמבער 1925 געשטאָרבן אין ווין. די ווינער יידישע קולטוס-געמיינדע האָט פאַרן נפטר געגעבן אומזיסטע קרקע און תכריכים.

מ. ע. פון משה שאָר און לאַזאַר פריד.
ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 60, 142, 192.
דאָס „שלום-עליכם בוך", ניו-יאָרק, 1926, ז. 64.
אברהם טייטעלבוים — טעאַטראַלישקייט ביי גאָלדפאַדענען, „גאָלדפאַדען-בוך", ניו-יאָרק, 1926, זז. 8-17.
אברהם טייטעלבוים — „טעאַטראַליאַ", וואַרשע, 1929, זז. 33-24.
מיכאל וויכערט — „טעאַטער און דראַמע", ווילנע, 1926, I, ז. 59.
נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער", ביאַליסטאָק, 1921, I, ז. 39.
ש. י. דאָרפסזאָהן — נעקראָלאָג, „מא"זש", ניו-יאָרק, 25 דעצ. 1925.
ש. י. דאָרפזאָהן — אין קהל'שע תכריכים, „מאָמ.", וואַרשע, 8 דעצ., 1925.
אברהם טייטעלבוים — דער סוף פון אַ אידישען טעאַטער-דירעקטאָר, „טאָג", ניו-יאָרק, 15 יאַנ., 1926.
דאָס טעאַטער אויף קרולעווסקאַ — „טעאַט"צט", וואַרשע, 5, 1928.
א. טענענהאָלץ — דאָס אידישע טהעאַטער אין סיביר, „דיא וואַרהייט", 7 יאַנואַר 1917.
מ. מיאָדאָווניק — מיינע טעאַטער-זיכרוינעס, „שטערן", מינסק, 4, 1926, ז. 36.

אַדלער, סערא

[שרה-סאָניא לעוויצקאַ, היינע-חיימאָוויטש]

געב. אין אָדעס, אוקראַאינע. עלטערן — סוחרים.

נאָך אַלס קינד פלעגט זי זיך איבערטאָן אין דער מוטערס קליידער און איר נאָכקאָפירן.

געלערנט אין אַ רוסישער שול און איז דאָרט געווען די פאַרזינגערין פון די רוסישע הייליגע לידער. אין עלטער פון 8 יאָר האָט זי אין דער שול געשפּילט אויף רוסיש „אַמאַליע“ אין שילערס „רויבער“. שפּעטער צוגעצויגן שטאַרקע אויפמערקזאַמקייט צו זיך אַלס זינגערין, און דער דירעקטאָר פון דער קונסט-שול, מאַראַנדי, גיט איר אַ פרייען פּלאַץ ביי זיך אין שול.

אין דער זעלבער צייט לערנט זי ווייטער פּריוואַט.

באַגעגנדיק זיך מיט דער יידישער אַקטריסע דאַיען-קאַצמאַן און מיטן פאַרוואַלטער פון יידישן טעאַטער קרוג, באַשליסט א. צו ווערן אַ יידישע אַקטריסע. ניט קאָנענדיק אָבער קיין יידיש, ווערט זי צוגענומען צו שמ״רן אין טרופּע אַלס זינגערין פון רוסישע לידער אויף די דיווערטיסמענטן, וועלכע מ׳פלעגט אין יענער צייט געבן נאָך יעדער פאָרשטעלונג.

א. פאָרט אָפּ מיט שמ״רס טרופּע קיין ניקאָלאַיעוו, וואו זי טרעט אויף צום ערשטן מאָל אַלס דעם „שכורס ווייב“ אין „טרייפניאַק“, און נאָכן פּאָגראָם, וואָס קומט דאָרט פּאָר, קומט זי צוריק קיין אָדעס, וואו זי טרעט אריין אין דער טרופּע פון היינע-חיימאָוויטש אין וועלכער ס׳שפּילן ה׳ און פ׳ גראַדנער. ה׳ און פ׳ פינקעל, ה׳ און פ׳ געלים, זאַקס, קויפמאַן און בערגער. דאָ לערנט זי ביים רעזשיסער פון דער דייטשער בינע, גריטסקאָפּף.

נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט פאָרט די טרופּע אַרויס איבער רוסלאַנד. א. האָט חתונה מיט היינען, שפּילט אַ געוויסע צייט אין לעטלאַנד, און פאָרט פון דאָרט מיט דער טרופּע קיין לאָנדאָן, וואו זי שפּילט אין אַזעלכע שלעכטע באַדינגונגען, אַז זי וויל זיך בכלל צוריקציען פון דער יידישער בינע.

אונטער די זעלבע באַדינגונגען שפּילט אויך דאָ אַ טרופּע מיט אַדלערן אַן דער שפּיץ, און נאָכדעם ווי ביידע טרופּעס פאַראייניקן זיך, און א. שפּילט אַ קורצע צייט אין לאָנדאָן, פאָרט א. צוזאַמען מיט היינען אין 1883 קיין אַמעריקע, וואו זי טרעט אויף אונטערן מענעדזשמענט פון משה זילבערמאַן אין טורן-האָל אַלס די פּרימאַדאָנאַ פון שמ״רס „די יתומים“, שפּעטער גייט זי איבער אין אָריענטאַל-טעאַטער, און נאָכדעם ווי זי גט זיך מיט היינען, טרעט זי אויך אַרויס פון אָריענטאַל-טעאַטער.

א. הויבט דאַן אָן שפּילן אין דער טרופּע פינקעל-פיינמאַן-מאָגולעסקאָ. דאָ טרעט זי אויף אַלס ערשטע אַקטריסע סיי אין דראַמאַטישן, סיי אין אָפּערעטן-רעפּערטואַר, דערנאָך גייט זי איבער אין 8-טע-סטריט-טעאַטער, וואו עס „זאָל געשפּילט ווערן אַ ריינער דראַמאַטישער רעפּערטואַר“.

אין 1886 קומט פון לאָנדאָן אַדלער, און נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט צוזאַמען, האָט זי מיט אים חתונה, און פון דאַמאָלט אָן מאַכט זי מיט דעם זעלבן עטאַפּ וואָס ער, איבערגייענדיק אינגאַנצן צום דראַמאַטישן רעפּערטואַר.

1917 האָט א. זיך באַטייליקט אין דער רוסישער אויפפירונג פון „קאַזן“ און אין דער אוקראַאינישער אויפפירונג פון „זשידאָווקאַ וויכרעסטקאַ“.

אין 1918 פאָרט זי אַרום אַ יאָר מיטן אַקטיאָר איזידאָר בוזעט איבער דער פּראָווינץ, 1919-20 שפּילט זי צוזאַמען מיט אַדלערן, ה׳ בוזעט און אירע קינדער פרענצים און סטעלאַ אין לאָנדאָן, און 1921 אונטער בוזעטס דירעקציע אין לאָנדאָן, דערנאָך קומט זי צוריק קיין אַמעריקע, און פאָרט אַרום איבער דער פּראָווינץ מיט יידיש און רוסיש טעאַטער. ביז 1926 פירט זי קליינע טרופּעס איבער דער פּראָווינץ, 1926-7 שפּילט א. ביי געבילן אין פּיפּלס-טעאַטער, 1927-8 פאָרט זי ווידער אַרום איבער דער פּראָווינץ, און זייט דאַמאָלט שפּילט זי נאָר פון צייט צו צייט.

צו אירע בעסטע ראָלן געהערן: „מינאַ“ אין קאָבריןס „מינאַ“, „פאַניע זאַרכים“ אין גאָרדינס „אמתע קראַפט“, „בת שבע“ אין גאָרדינס „אַן אַ היים“, „די פרוי“ אין גאָרדינס „דער פרעמדער“, „בעאַטאַ“ אין גאָרדינס „אלישע בן-אבויה“, „גיטעלע“ אין ליבינס „געבראָכענע הערצער“, „די מאַמע“ אין מאַרקאָוויטשעס מעלאָדראַמע „אַ מאַמעס טרערן“, „נאָראַ“ פון איבסען, „אַמאַליע“ אין שילערס „רויבער“, „קאַטיושאַ מאַסלאָוואַ“ אין טאָלסטאָיס „תחית המתים“, „יעלענאַ“ אין טאָלסטאָיס „קרייצער סאָנאַטאָ“, און „די ציגיינערין“ און „סאָפיע“ אין טאָלסטאָיס „לעבעדיקער מת“.

א.׳ס 5 קינדער פון אַדלערן: פרענצים, איזי, דזשולאַ, סטעלאַ און לוטער זיינען אַלע פאַרבונדן מיט דער בינע.

מ. ע.

ב. גארין — „געש. איד. טעאַט“, I, ז. 234, 242, II, ז. 30.
לעאָן קאָברין — „ערא־ינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג“, ניו־יאָרק, II, זז. 9-115.
ב. וויינשטיין — ערא־ינערונגען וועגען אידישען טעאַטער, „פאָרוו.“, ניו־יאָרק, 24 אַפּריל, 1927.
חנן י. מיניקעס — „די אידישע ביהנע“, ניו־יאָרק, 1897 (מ. זוויפערטס „טעאַטער־געשיכטע“).
בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס געשיכטע“, ניו־יאָרק, 1916, זז. 5-133, 141.

אַדלער, עמיליע

[שרה-מילקע שטאַנג]

געב. 11 אָקט. 1884 אין טאָמאַשאָוו, לובלינער גוב., פּוילן. שפּעטער פאָרט זי מיט איר מוטער די אלמנה קיין ווארשע, דאָ אַרבעט זי אין אַ סאָדע־וואַסער־געוועלב. אין 1898 באַקענט זי זיך מיט דער אַקטריסע שומסקי. דאָס פריילעכע לעבן פון אַקטיאָרן געפעלט א. און פ׳ שומסקי באַקענט אַ. מיט דעם דאַמאָלטיקן טעאַטער-דירעקטאָר ווייספעלד, וועלכער נעמט זי אַריין אין זיין טרופּע. אָבער בלויז אַ קורצע צייט קומט איר אויס אָפּצוהיטן די פּראָבן, דאָס געוועלב, און גלייכצייטיק צו פאַרהוילן אַ סוד פאַר דער מוטער, אַז זי איז געוואָרן „אַן אַקטריסע“, ווייל נאָכן שפּילן צוויי וואָכן די ראָל פון אַ „מלאך“, פאַרווערט די רעגירונג בכלל יידיש טעאַטער אין ווארשע.

אין אַ האַלב יאָר אַרום אנטלויפט זי קיין בענדין צו דער טרופּע אונטער דער ליטונג פון טיטעלמאַן און שאַראַוונער, וועלכע לעבט אין זייער שווערע באַדינגונגען. אַ. וואַנדערט איבער דער פּראָווינץ, ביז זי דערשלאָגט זיך קיין טאָמאַשאָוו. פון דאָרט נעמט זי מיט יוליוס אַדלער אַלס כאָריסטקע צו קאַמינסקיס טרופּע אין לאָדזש, וואו ער איז כאָר-מייסטער.

נאָך אַ קורצער צייט הויבט זי אָן שפּילן קליינע ראָלן. זומער איז די טרופּע געפאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, און דאָרט באַ-

קומט אַ. די ערשטע גרויסע ראָל אין דער פּיעסע „דער ייִדישער פּריץ“ פון שײקעוויטש.

דורך דער צייט האָט זי חתונה מיט יוליוס אַדלערן, און גייט איבער צו שפּילן יונגע דראַמאַטישע ראָלן. נאָך 2 יאָר אין קאַמינסקים טרופּע, טרעט זי אַריין צו פישזאָן, דאַן צו סאַבסיי, דערנאָך אַ קורצע צייט אין דער טרופּע גענפּער-סטרעלסקאַ, און ווידער צוריק צו פישזאָנען, וועלכער האָט געשפּילט אין לאָדזש.

אין 1904 פאָרט אַ. צו איר מאַן אין אַמעריקע, און טרעט אויף צום ערשטן מאָל אין דער ראָל „די מומע“ אין זודערמאַנס „היימאַט“ ביי דוד קעסלער און קאַליש, און ווערט דערנאָך אַנגאַזשירט ביי מייק טאָמאַשעווסקי, וואו זי שפּילט 3 יאָר. אין 1907 פאָרט אַ. צוריק קיין רוסלאַנד מיט גאָרדינס, ליבינס און קאָברינס רעפּערטואַר, און טרעט דאָרט אויף אין די הויפּט ראָלן פון דידאָזיקע פּיעסן. נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט אין וואַרשע, ווערט זי אַנגאַזשירט אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון יצחק זאַנדבערג, דערנאָך הויבט זי אָן שפּילן אונטער איר מאַנס דירעקציע אין פּאָפּולערן-טעאַטער און שפּעטער אין צירק.

אין 1913 פאָרט זי קיין ווין מיט דער „הבמה העברית“, און שפּילט אויף העברעאיש „יהודית“ אין „אוריאל אַקאָסטאַ“. דערנאָך פאָרט זי אַרום איבער רוסלאַנד און הויבט שפּעטער אָן שפּילן אין איר מאַנס טרופּע אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער. אין דער קריגס צייט שפּילט זי אויך אין גרויסן טעאַטער, וואו איר מאַן איז אויך מיט-דירעקטאָר, און נאָך אַ טורנעע איבער פּוילן פאָרט אַ. אין 1920 ווידער קיין אַמעריקע.

דאָ שפּילט זי אַ האַלבן סעזאָן אין באָסטאָן ביי דזש. נאַטאַנסאָן, 1921-2 — אין ייִדישן קונסט-טעאַטער, 1922-3 — אין ליבערטי-טעאַטער, וואו זי איז אַ קורצע צייט מיטדירעקטאָר, 1923-4 אין מעקינלי טעאַטער ביי ה. צוקערבערג, 1924-5 — אין נואַרק ביי עלווינג, 1925-6 — אין ייִדישן קונסט-טעאַטער און אין טורנעע פון דאָזיקן טעאַטער איבער דער ראוד, 1926-7 — אין טאָראָנטאָ ביי האָלענדער, 1927-8 — אין טאָראָנטאָ, וואו זי איז אַ קורצע צייט געווען מיטדירעקטאָר, 1928-30 — פון צייט צו צייט אין פאַרשיידענע טרופּעס.

ש. ע.

זלמן זילבערצווייג — „טעאַטער זכרונות“, ווילנע, 1928 זז. 46-58

אַדלער, פרענצים

געב. אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. עלטסטע טאָכטער פון סערא און יעקב פּ. אַדלער. געענדיקט האַי-סקול און „סאַרדזשענט בעלאַסקאַ סקול אָף אַרט“. אין עלטער פון 12 יאָר אויפגעטראָטן אין גרענד-טעאַטער צוזאַמען מיטן פאָטער אַלס „אָליאַ“ אין גאָרדינס „אמתע קראַפט“, און זייט דאַמאָלט געשפּילט אין ניו-יאָרק צוזאַמען מיט אירע עלטערן, קעסלער, מאַגולעסקאָ און קאַליש.

אין 1921 שפּילט אַ. צוזאַמען מיט אירע עלטערן און איזידאָר בוזעט אין לאָנדאָן, דערנאָך צו איינצעלנע סעזאָנען אין באָסטאָנער גרענד-אָפּערע-הויז און ביי גליקמאַן אין שיקאַגאָ, גאַסטראָלירט אַ האַלב יאָר אין דרום-אַמעריקע צוזאַמען מיט איר מאַן יאָזעף שיינגאָלד. 1927 שפּילט אַ. אַ קורצע צייט אין ענגלישן רעפּערטאָרי-טעאַטער אין באָסטאָן. 1928 — אייניקע חדשים ייִדיש אין פילאַדעלפיער קאַסינאָ-טעאַטער. 30-1929 — אין זאַנס פאָלקס-טעאַטער.

מ. ע.

א. פרומקין — די קינדער-ראָלן פון יאָזעף שעהנגאָלד און פרענצים אַדלער, „מאָ“זש“, 28 דעצ. 1928.

א. פרומקין — די ערשטע טריט פון אַדלער'ס קינדער אויף דער ביהנע, „מאָ“זש“, 11 יאַנ. 1928.

אַדלער, צילע

געב. אין ניו-יאָרק, אַמעריקע, עלטערן — די אַקטיאָרן דיינע פיינמאַן און יעקב פּ. אַדלער. נאָך אַלס קינד פון 6 חדשים שוין אַרויפגעבראַכט געוואָרן אויף דער בינע. אין עלטער פון 2 יאָר געשפּילט אַ קינדער-ראָל. אין עלטער פון 4 יאָר זיך באַטייליקט מיט איר פאָטער אין אַ ספּעציעל צוגעשריבענער קינדער-ראָל אין גאָרדינס „ייִדישער קעניג ליר“. ביז 14 יאָר געשפּילט קינדער-ראָלן מיט איר פאָטער און מוטער.

געלערנט אין פּאָבליק און האַי-סקול און קלאַוויר-שפּילן. צוליבן אַרויסוואַקסן פון די קינדער-ראָלן איבערגעריסן דאָס שפּילן, האָט פאַרלוירן דעם חשק צום טעאַטער, געמאַכט הכנות צו ווערן אַ לערערין, און אַפילו ניט באַזוכט קיין טעאַטער. דערמוטיקט דורך מ' קאַליש, מיט וועלכער זי שפּילט „די יונגע שוועסטער“ אין זודערמאַנס „היימאַט“, הויבט אַ. ווידער אָן שפּילן א"נ צילע פיינמאַן. אין 1909 שפּילט זי מיט איר מוטער אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן-טעאַטער, און אין 1910 גאַסטראָלירט זי מיט דער מוטער אין פּוילן, דערנאָך ווערט זי אַנגאַזשירט צו טאָמאַשעווסקין אין פּיפּלס-טעאַטער אין ניו-יאָרק, וואו זי טרעט שוין אויף א"נ צילע אַדלער און שפּילט מיט שילדקרויטן אין שאָמערס „אייקעלע מזיק“.

נאָכן שפּילן 2 סעזאָנען ביי טאָמאַשעווסקין, שפּילט זי אַ סעזאָן בכלל נישט, דאַן 2 סעזאָנען אין אַרטש סטריט-טעאַטער אין פילאַדעלפיע ביי אַנשעל שאָר, צו איינצעלנע סעזאָנען מיט קעסלערן אין סעקאָנד עוועניו-טעאַטער, מיט בן-עמי און זאַץ אין אירווינג-פּליים און 1921-2 אין גאַרדן-טעאַטער ביי שוואַרצן, 1922-3 שפּילט זי אַ האַלבן סעזאָן ביי אַנשעל שאָר אין פילאַדעלפיע, 1923-4 גאַסטראָלירט אַ. 9 חדשים אין אייראָפּע און פאָרט דערנאָך אַרום מיט זאַצן איבער אַמעריקע, 1924-5 איז אַ. דירעקטאָרשע צוזאַמען מיט ס. גאָלדענבורג אין פילאַדעלפיער גאַרדן-טעאַטער, 1925-6 — דירעקטאָרשע מיט גאָלדענבורג אין אַמפּיאָן-טעאַטער אין ניו-יאָרק, 1926-7 — אין ייִדישן קונסט-טעאַטער, 1927-8 — גאַסטראָלירט איבער אַמעריקע, 1928-9 ווידער אין ייִדישן קונסט-טעאַטער און 1929-30 אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט-טעאַטער.

אין 1920 האָט אַ. 6 וואָכן זיך באַטייליקט אין דער ענגלישער אויפפירונג פון פּינסקים „אוצר“, אַ. האָט אויך צוזאַמען מיט גאָלדענבורגן זיך באַטייליקט אין פילם „אייבס אימפּאָרטירט ווייבל“.

אַמפּלואַ — דראַמאַטישע און יוגנטלעכע כאַראַקטער-ראָלן.

Celia Adler, “The Bill Board”, New York, 23 Oct., 1920.

Louis Hirsh—“Our Celia”, “American Jewish News”, New-York, p. 516.

א. פרומקין — די קינדער ראָליסטין אויף דער אידישער ביהנע, מאָ“זש 30 נאָוו., 7 דעצ. 1928.

א. פרומקין — די ערשטע טריט פון אַדלער'ס קינדער אויף דער ביהנע, „מאָ“זש“, נ. י. 11 יאַנואַר 1928.

קריטיקוס — ציליע אַדלער'ס קינסטלערישער ערפאָלג, „צייט“, לאָנדאָן, 27 אַפּריל 1923.

צילִיע אַדלער — אַ בריף צום „פֿאָרווערטס“ וועגן איהר פֿאָטער׳ס טוידט, „פֿאָרוו.“, 12 אַפּריל 1926.

ל. קעסנער — וועגן צילי אַדלער און בערטאַ קאַליש „ייד. טאָג“, ניו־יאָרק, 1926.

צילי אַדלער — מיין בעסטע ראָלע — „צינע“, „מאָ“זש“, 17 מערץ 1928.

מ. אָשעראָוויטש — אַמעריקאַנער געבאָרענע און אַמעריקאַנער ערצויגענע אַקטיאָרען און אַקטריסעס אויף דער אידישער ביהנע. „פֿאָרוו.“, 14 נאָוו. 1925.

צילע אַדלער — איך און דאָס פּובליקום, „טאָג“, נ. י. 17 פעב. 1928.
יעקב מעסטעל — זעקס קוילן־צייכנונגען, „יידיש טעאַטער“, וואַרשע, בוך II, 1927, ז. 196.

לומינוס — סיליאַ אַדלער׳ס טריאומף, „פרייע אַרבייטער שטימע“, 8 פעברואַר 1919.

אַדלער, קאַטיא

[גוראַלניק]

געב. 25 מאַי (א. ס.) 1881 אין ניקאָפּאָל, אוקראַאינע, פֿאָטער — אַ סוחר.

געלערנט אין חדר און אַביסל רוסיש. זעענדיק שפּילן יידיש טעאַטער, האָט זי דערפילט אַ נייגונג צו דער בינע, און אָנגעהויבן מיטווירקן אין ליבהאָבער־גרופּעס.

אין 1908 טרעט זי אַריין אין סאַבסיים טרופּע אַלס פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטקע, און נאָכדעם ווי זי האָט חתונה מיט ירמיהו אַדלער, מאַכט זי מיט זיינע וואַנדערונגען איבער רוסלאַנד, אין פאַכלערס מיניאַטור־טרופּע, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, בולגאַריע, רומעניע, עסטרייך, דייטשלאַנד און זייט 1926 אין פּאַריז, וואו זי שפּילט פון צייט צו צייט.

מ. ע.

אָרעסער פֿאָלקס־זינגער

מאיר גאָרבאָי [פּאַרך]

איינער פון די בעסטע פאָלקס־זינגער, פלעגט דורך זיינע לידלעך לייכט אַרויסרופן טרערן ביי די צוהערער. פלעגט מיט די פינגער אַזוי צוקנאַקן צום טאַקט, אַז ער האָט פאַרהילכט דעם אָרקעסטער. האָט ניט געקענט שרייבן, און האָט געלאָזט אָפּדרוקן פּרעמדע לידלעך אויף זיין נאָמען. נאָך דער מלחמה איז ער געוואָרן אַ בילעטער אין יידישן מלוכה־טעאַטער אין אָדעס. ווען ער פלעגט וועלן אַרויסרופן אויפמערקזאַמקייט צו זיך, פלעגט ער אויסשרייען.

— שאַ, מאיר פּאַרך גייט!

וויינשטיין

אַ קעשעניעווער, שפּעטער געוואָרן אַן אַקטיאָר ביי סאַבסיין.

יאָנטשעק [וואַרשיינלאַך יונה] מיטן פידעלע

ביז 70 יאָר געהאַט שוואַרצע האָר. זיין שטענדיק ווערטל איז געווען: „גיט געלט, אַז ניט זינג איך!“. געשטאָרבן אין עלטער פון 90 יאָר.

לייבל נאָז [רעזניק]

אַ קעשעניעווער, געווען דערנאָך 10 יאָר אין אַמעריקע אַלס זינגער.

מאָטל מאָראָזשניק

זומער פלעגט ער אַרומטראָגן מאַראָזשני [אייז־קרים] און ווינטער פלעגט ער זינגען.

איבערגעגבן דורך לייבל אייזערמאַן.

אָדערשלעגער, משה יעקב

געבוירן 11 נאָוועמבער 1881 אין אָלעסקאָ, מזרח־גאַליציע, אין דער פאַמיליע פון אַן אָרימען רופא, וועמענס פאָטער, אַלס אַנטלאָפענער פון רוסלאַנד, האָט געענדערט דעם פאַמיליע־נאָמען ראַוויטש אויף אַדערשלעגער. געלערנט אין חדר און גלייכצייטיק אין דער אָרטיקער פאָלקסשול, שפּעטער געוואָרן אַ לערן־יינגל ביי אַ פּריזירער אין בראָדי. אין דער פרייער צייט געלייענט אַ סך שמרס ראָמאַנען און דייטשע ביכלעך. נאָכן פאָטערס טויט אויסגעוואַנדערט אין 1899 קיין אַמעריקע, זייט 1905 געוואָרן אַן אָפטער מיטאַרבעטער פון דער פּעריאָדישער פּרעסע, באַזונדערס אין „פֿאָרווערטס“.

א. האָט דראַמאַטיזירט זיין נאָוועלע „אַן אומגליק“ א״נ „אויסגעגעבן קינדער“, וועלכע איז א״נ „גרינבערגס טעכטער“, דראַמע אין 3 אַקטן, אויפגעפירט געוואָרן דעם 5טן סעפּט. 1927 אין יידישן קונסט־טעאַטער.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, I, זז. 45־46.
צביון — גוט געשריבן און גוט געשפּילט, „פֿאָרוו.“, 13 סעפּט. 1927.

אוגער, ישעיה

געב. 1873 אין האָראָשקי, וואָלין, אין אַ פאַמיליע, וואָס איז זיך מתיחס מיט ר׳ עקיבא אייגער. דערצויגן אין זשיטאָמיר, וואו ביי זיינע עלטערן אין שטוב האָבן פאַרקערט מענדעלע, בינשטאָק, צווייפעל, קולישער. אַלגעמיינע בילדונג באַקומען אין אַ מאָסקווער גימנאַזיע און אין די הויכשולן פון קעניגסבערג (פילאָלאָגיע) און שאַרלאָטענבורג (טעכנאָלאָגיע).

נאָך אַלס שילער פאַרקערט אין יידיש־נאַציאָנאַלע קרייזן. זיין ערשטער העברעאישער לערער איז געווען דער דיכטער מ. מ. דאָליצקי. א. טרעט אַריין אין דער גרופּע „בני ציון“ און מאַכט זיינע ערשטע שריט אין דער זשורנאַליסטיק. שטודירנדיק אין אויסלאַנד, האָט א. אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין דער דייטשער פּרעסע. זיין זשורנאַליסטישע טעטיגקייט אויף יידיש האָט זיך אָנגעהויבן אין 1903 אין פּעטערבורגער „פריינד“.

אין אָנפאַנג פון היינטיקן יאָרהונדערט באַזעצט זיך א. אין לאָדזש און דאָ הויבט ער אָן צו שרייבן אין דער דייטשער „נויע לאָדזשער צייטונג“ און אין דער אויסלענדישער דייטשער פּרעסע, וואו ער איז קאָרעספּאָנדענט, צום ערשטן מאָל אין אַ פּאָזיטיוון זין וועגן יידישן טעאַטער, צוציענדיק די אויפמערקזאַמקייט פון דער אַסימילירטער יידישער אינטעליגענץ צום יידישן טעאַטער און אַקטיאָר.

ווען א. רעדאַקטירט אין 1907 די ערשטע טעגלעכע יידישע צייטונג אין לאָדזש „לאָדזער נאַכריכטען“, און שפּעטער דאָס „לאָדזער טאַגעבלאַט“, גיט ער דאָרט אָפּ זייער פיל פּלאַץ דעם יידישן טעאַטער, שרייבנדיק זייער אָפט קריטיק און אַרטיקלען וועגן דער יידישער בינע.

אין עפּעלבערגס „טעאַטער־וועלט“ (וואַרשע, 1908) האָט א. פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען וועגן די יידישע אַקטיאָרן אויף די

אייראָפּעאישע בינעס, און אין די נומערן 4־1 אָפּגעדרוקט אין זיין איבערזעצונג און באַארבעטונג ניט קיין פולן ערשטן אַקט פון פאָדרעם מילאַס 4-אַקטיקע דראַמע „שבתאי צבי“ (דער לעצטער משיח).

אין 1918 שרייבט א. אָן אַ פיר־אַקטיקע דראַמע „קאַפּיטאַן דרייפוס“, וועלכע ווערט אויפגעפירט אין לאָדזשער „סקאַלאַ טעאַטער“ דורך דער טרופּע אַדלער-סיעראַצקי.

אין דער „טעאַטער־וועלט“ איז אויך געווען אַנאָנסירט אַ טעאַטער־אַלמאַנאַך, וואָס א. האָט צוגעגרייט צום דרוק און וואָס איז אָבער ניט דערשינען.

א. איז פאַרהייראַט מיט דער אַקטריסע מאַלווינאַ סיעראַצקא-קאָמפּאַנעיעץ.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, I, זז. 8-46.
„דער סעניאָר פון דער לאָדזשער יודישער זשורנאַליסטיק“ — פּוילישער מאַנטשעסטער“, לאָדזש, 2, 1928.

אַוראַמאָוויטש, מאַקס

[מרדכי אַבראַמאָוויטש]

[געב. 20 מערץ 1856 — געשט. 19 יולי 1896]

געב. 20 מערץ 1856 אין הירש, רומעניע. וועגן זיין פאַמיליע איז נאָר באַוואוסט, אַז זיין ברודער איז געווען אַ קצב, און מען האָט אים גערופן אהרן העקער.

געקומען קיין אַמעריקע אין 1885-6 אַלס קופּלעטיסט און קאָמפּאָזיטאָר, און אַזוי ווי אין יידישן טעאַטער שפּילט דאַמאָלט דער אַקטיאָר מאַקס אַבראַמאָוויטש, מוז א. זיין פאַמיליע-נאָמען ענדערן אויף אַוראַמאָוויטש.

א. איז געווען (לויט ווי יידישע אַקטיאָרן דערציילן) דער בעסטער קופּלעטן-זינגער אויף דער יידישער בינע, און אַ קורצע צייט נאָך זיין קומען אין אַמעריקע, איז ער אַריינגעטראָטן אין דייטשן וואַריעטע, פון וואַנען ער גייט שפּעטער איבער אין יידישן טעאַטער, ווען מען הויבט דאָרט אָן אויפפירן אָפּערעטן און מוזיקאַלישע קאָמעדיעס. אין 1895 איז א. געווען דער סטאַר-קאָמיקער אין רומעניע-אָפּערא-הויז אין ניו-יאָרק.

א. האָט פאַרפאַסט מוזיק צו צענדליקער יידישע פּיעסן, וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרן אין יענער צייט, ווי: לאַטיינערס אָפּערעטן „יוסף און זיינע ברידער“, „עזרא דער עוויגער יוד“, „אשת חיל“, „דניאל אין דער לייבנגרוב“, „יפת תואר“, „קורחס אוצרות“, צו רודאָלף מאַרקסעס „דער בויערי-טרעמפּ“, צו ישראל וויינבלאַטס „נחמן זלאַטאָפּאָלער“ אָדער „פאָטער און זון“ און צו יעקב טערס „אמנון ותמר“ אָדער „דער גליקלעכער פאַסטוך“.

א. האָט אויך פאַרפאַסט דעם טעקסט און די מוזיק צו זייער פיל לידער און קופּלעטן, וועלכע ער האָט אַליין געזונגען, און וועלכע זיינען יאָרן-לאַנג געווען זייער פּאָפּולער צווישן די ברייטסטע מאַסן.

אַ טייל פון די דאָזיקע לידער זיינען געדרוקט אין זאַמלבוך „דיא אידישע ביהנע“ (ניו-יאָרק 1897, 2-טער טהייל).

א. האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ביכל „מיין טהעאַטער-מאַגאַזין איינע ערצעהלונג איבער שמענדעריקס גליק אונד אונגליק זיינע גאַנצע לעבענס-ביאָגראַפיע צוזאַמענגעזעצט אויס 237 נעמען פון טהעאַטער שטיקע, זייט אידישעס טהעאַטער עקזיסטירט פון 1877 ביז 1895.“

דעם 19 יולי 1896 איז א. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II., ז. 158.
מ. ע. פון ישראל טאַבאַטשניקאָוו, פּ׳ וויינבלאַט, לעאָן בלאַנק און משה שטאַרקמאַן.
חנן י. מיניקעס — „דיא אידישע ביהנע“, ניו־יאָרק 1897 (משה זייפערטס „טעאַטער־געשיכטע“).
חנן י. מיניקעס — „דיא אידישע ביהנע“, ניו־יאָרק 1897 (מאַקס אַוראַמאָוויטש [נעקראָלאָג פון] .N. S).
בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס-געשיכטע“, ניו־יאָרק 1916, ז. 157.

אויגענבליק, עני

[חנה סויבער]

געב. 9 מאַי 1886 אין ריגע, לעטלאַנד. פאָטער — אַ סוחר. געקומען אַלס קינד פון 6 יאָר צוזאַמען מיט אירע עלטערן קיין באַלטימאָר, אַמעריקע. נאָך אין פּאַבליק-סקול פלעגט זי זיך באַטייליקן אין קאָנצערטן. אונטערוואַקסנדיק הייבט זי אָן אַרויסצוטרעטן אויף קאָנצערטן פאַר וואוילטעטיקע צוועקן און באַטייליקט זיך אין אַ ליבהאָבער־אויפפירונג פון דר. לאַנדויס „קעניג הורדוס“.

עס קומט אָן די טרופּע לאַרגמאַן. זי באַקענט זיך מיט דער אַקטריסע דזשעני אַטלאַס, וועלכע גיט איר די מעגלעכקייט אויפצוטרעטן אין איר בראָדוויי-מיוזיקאַל-האָל אין ברוקלין. נאָכן שפּילן דאָרט אַ יאָר, טרעט זי אַריין אין אירווינג מיוזיקאַל-האָל, דאָרט באַקענט זי זיך מיט פיליפּ אויגענבליק, און נאָך זייער חתונה שפּילן זיי צוזאַמען יאָרן-לאַנג אין פאַרשיידענע וואַריעטע-טעאַטערס, שפּעטער 4 סעזאָנען ביי דזש. קעסלער אין עמפּייר-טעאַטער, שיקאַגאָ, דערנאָך אין ניו יאָרק. אייניקע יאָר געשפּילט אין דרום-אַפריקע, לאָנדאָן, גלאַזגוי, פּאַריז, אַנטווערפּן. צוריקגעקומען אין אַמעריקע, האָט זי אַ סעזאָן ניט געשפּילט, שפּעטער ביי נייטאַן גאָלדבערג אין לענאָקס און זייט 1927 ביי אים אין פּראָספּעקט-טעאַטער.

אַמפּלוא — כאַראַקטער־שוישפּילערין.

מ. ע.

אויגענבליק, פיליפּ

געב. 7 נאָוו. 1877 אין באָרשטשאָוו, מזרח־גאַליציע. פאָטער — פּאָסעסאָר. געלערנט ביז 13 יאָר ביי אַ מלמד, וועלכן עטלעכע בעלי־בתים האָבן געהאַלטן בשותפות פאַר זייערע קינדער, און אין דער פּוילישער שול.

באַלד דערנאָך פאָרט ער מיט זיין מוטער קיין אַמעריקע. דאָ פּעדלט ער צוויי יאָר מיט צייטונגען, לערנט אין אַן אָוונטשול און אַרבעט אין אַ שעלקעס־שאַפּ.

נאָך אַלס קינד, זענענדיק פּורים־שפּילער, האָט ער דערפילט אַ נייגונג צו דער בינע, און צוזאַמען מיט דזש. קעסלער, אַב. קאָגוט, לואי הײמאַן און יעקב וועקסלער גרינדעט ער דעם „קעסלער דראַמאַטיק־קלאָב“, וואָס פירט אויף אין טורן־האָל פיינמאַנס „דעם פאָטערס קללה“, אין וועלכער ער שפּילט דעם „פאָטער“. דאָס זעלבע יאָר באַטייליקט ער זיך נאָך אין

אייניקע פאַרשטעלונגען פון קלאַב. פיר יאָר אַרבעט ער אין שאָפּ און שפּילט, ביז ער פאָרט אַוועק קיין פילאַדעלפיע אַלס אַגענט פון לעבנס-פאַרזיכערונג. קעסלער קומט אַהין גאַסטראָלירן מיט זיין טרופּע און צוליב דעם וואָס ער האָט געזען א. שפּילן אין קלאַב אויף זיין נאָמען, גיט ער אים צו שפּילן אייניקע קליינע ראָלן.

ווען ס'עפענען זיך די וואָדעוויל-הייזער, פאַרלאָזט א. זיין אַרבעט און צוזאַמען מיט גאָביל און איידא דוואָרקין טרעט ער אַריין אין די וואָדעוויל-הייזער, וואו ער שפּילט יאָרן לאַנג.

לעגיטים-טעאַטער הויבט ער אָן שפּילן ביי דזש. קעסלער אין עמפּייר-טעאַטער, שיקאַגאָ (4 סעזאָנען), דערנאָך אין ניו-יאָרק. אייניקע יאָר שפּילט ער אין דרום-אַפריקע, לאָנדאָן, גלאַזגאָו, פּאַריז און אַנטווערפּן, קומט צוריק קיין אַמעריקע און ווערט פאַרוואַלטער פון אַמפּיאָן-טעאַטער אין ברוקלין.

זייט 1925 זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע און געעפנט א פאַבריק פון פרויען-קליידער.

מ. ע.

אויערבאַך, אפרים

געב. 23 אָקט. 1892 אין בעלץ, בעסאַראַביע. פאָטער — א שוחט. געלערנט אין ישיבה און למודי חול אַלס אויטאָדידאַקט. האָט אין 1908 דעביוטירט א״נ א. אווערבוך אין זאַמלבלאַט „זאַנגען״ (ווילנע).

אין 1912 זיך באַטייליקט אין ליבהאָבער-פאָרשטעלונגען אונטער פּרץ הירשביינס רעזשי אין בעלץ, דערנאָך אין סאָראָקי.

אין 1913 אויסגעוואַנדערט קיין ארץ-ישראל, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט ערד-אַרבעט. שפּעטער זיך באַטייליקט אין יידישן לעגיאָן און אין 1915 געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז געוואָרן א מיטאַרבעטער אין דער פּעריאָדישער פּרעסע.

אין 1919 געווען דער טעאַטער-רעדאַקטאָר פון „די צייט״ און פון 1922 טעאַטער-רעדאַקטאָר פון „מאָרגן זשורנאַל״, וואו ער שרייבט אויך פון צייט צו צייט א״פ אלף-אלף קריטיק און רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער, און האָט אַנאָנים באַאַרבעט די זכרונות פון אברהם פישזאָן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געדרוקט אין 1925-6.

אין „יידישן קעמפער״ 1917 האָט א. פאַרעפנטלעכט אַן איינאַקטער „אויפן שייער״, פון שומרים לעבן אין ארץ-ישראל, אין זיין בוך „דער רויטער פאָדים״ (פאַרלאַג „אויפקום״, ניו-יאָרק 1927) האָט א. [זז. 143-166] אָפּגעדרוקט דעם איינאַקטער „פון אונזער ברודערשאַפט״.

א. האָט אויך אין כתב-יד א דראַמאַטישע פּאָעמע אין 5 בילדער „אָפּגעשפּילט א חתונה״.

מ. ע.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט., I. זז. 53-4.

אויערבאַך, באָרים

[בן-ציון]

געב. 15 מאַי 1890 אין אַקערמאַן, בעסאַראַביע. אין זיין פריסטער יוגנט שטאַרבן זיינע עלטערן, און ער ווערט דערצויגן ביי א פעטער. געלערנט אין חדר, געענדיקט 4 קלאַסן פון דער שטאַט-שול. אין עלטער פון 15 יאָר געפאָרן קיין וואַרשע, דאָרט ווערט א. אַן אַקטיווער מיטגליד פון „בונד״, לערנט אַרבעטאָרינס יידיש און אַרבעט אַלס אַנגעשטעלטער.

ווען ראַפאַל און קרויזע עפענען אין וואַרשע א טעאַטער, און אַנאָנסירן, אַז זיי זוכן כאָריסטן, טרעט א. אַריין צו זיי אין כאָר, פון דאָרט אַלס כאָריסט אין סעם אַדלערס טרופּע. ערשט מעטרסאָן גיט אים צו שפּילן א קליינע ראָל אין גאָרדינס „געברידער לוריא״. דערנאָך פאָרט ב. אין דער טרופּע פון מישוראַט, און קומט צוריק אין דער טרופּע קרויזע-ספּיוואַקאָווסקי, שוין אַלס בוף-קאָמיקער און ליבהאָבער.

ב. פאָרט אָפּ קיין אַמעריקע, וואו ער קומט אָן אין סאַן פראַנציסקאָ, און דאָ גיט אים יעקב פרענק צו שפּילן אין „דוד בן ישי״, דאַן שפּילט א. 2 יאָר וואָדעוויל מיט פיליפּ ווייזנפריינד.

ב. קומט דערנאָך קיין ניו-יאָרק, און דאָ טרעט ער אַריין אין לאַבעלס ראָיאַל-טעאַטער, וואו ער האָט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט מאָשקאָוויטש, שוואַרץ און מיני גורוויטש, דאַן שפּילט ער 2 יאָר אין שיקאַגאָ ביי יאָזעף קעסלער, 1 יאָר אין פילאַדעלפיע ביי אַנשעל שאָר, 1 יאָר אין פּיפּעלס-טעאַטער ביי עדעלשטיין און בעסי טאָמאַשעווסקי, 4 יאָר ביי עדעלשטיין אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער, צו איינצעלנע סעזאָנען אין נייאַשנאַל (טאָמאַשעווסקי), צוריק אין סעקאַנד-עוועניו און אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן און מיכאַלעסקאָ, 1927-8 איז א. מיטדירעקטאָר מיט חיים שניאור און משה שאָר פון האָפּקינסאָן טעאַטער אין בראָנזוויל און 1928-9 האָט א. ווידער געשפּילט אין סעקאַנד עוועניו און דאַן אָפּגעפאָרן קיין פּוילן אויף גאַסטראָלן.

אין משך פון דער צייט וואָס א. שפּילט אין אַמעריקע, האָט ער 3 מאָל זומער-צייט גאַסטראָלירט אין אַרגענטינע.

מ. ע.

אויערבאַך, יצחק

לויט ב. גאָרין האָט מען אין 1905 אויפגעפירט א.׳ס היסטאָרישע אָפּערעטע „בן שומרון״, אין צוועלבן יאָר זיין איבערזעצונג פון עמיל זאָלאַ „די בלינדע חתונה״ אָדער „דער פּרייז פון זינד״, אין 1916 „צוריק צו גאָט״ (צוזאַמען מיט לעאָן ווייזנפעלד), אין 1917 „די אַמעריקאַנער חתונות״.

א. האָט אויך פאַרעפנטלעכט „בת ירושלים״, היסטאָרישע אָפּערעטע אין 5 אַקטן, מוזיק פון ח. וואָלפסטהאַל, פאַרלאַג „התקוה״, לעמבערג, 1909 [47 ז. 16°], וועלכע איז זייער אָפט געשפּילט געוואָרן אין גאַליציע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״ (רשימה פון פּיעסן).

אויערבאַך, ס.

אין 1920 איז אין אַמעריקע אויפגעפירט געוואָרן זיין פּיעסע „אין פרעמדן לאַנד״.

ב. גאָרין — געש. איד. טעאַט. II, ז. 279.

אויערבאַך, סעם

געב. 1 אַפּריל 1890 אין זוואַנטשיק, קאַמענעץ-פּאָדאָלסק. גוב., אוקראַאינע. פּאָטער — בעל-טאַקסע. געלערנט אין חדר און אין ישיבה. אין 1902 געקומען מיטן פּאָטער אין אַמעריקע. געלערנט אין אָוונט-שול, און געאַרבעט ביים אַרויסציען פעדים פון מלבושים און וועש, דערנאָך געוואָרן אַ שיק-ייִנגל אין דער זעלבער פירמע, שפּעטער אַ פאַרקויפער אין אַ פוטער-געשעפט. אין יענער צייט אָרגאַניזירט זיך אַ גרופּע ליבהאָבער ווי שוואַרץ, שוואַרצבערג, פישל זינגער, ראָזא פינקענטאַל א. א. און פירן אויף אין ניו-יאָרקער מאַנהעטן לייסעאום זאַלאָטאַרעווסקים „20-טער יאָרהונדערט". א. באַטייליקט זיך אויך אין דער ראָזיקער פאָרשטעלונג, דערנאָך אין די אויפפירונגען פון דער זעלבער גרופּע אין בראָנזווילער סינגער-האָל און אין דער פּראָווינץ, שפּילנדיק אַ סעזאָן אין באַלטימאָר. ווערנדיק אַ מיטגליד אין לאָקאַל 18, פאָרט א. קיין לאָנדאָן, וואו ער גאַסטראָלירט אין פּאַוויליאָן טעאַטער (דיר. קינג און וואַקסמאַן) און נאָכדעם ווי אַדלער קומט גאַסטראָלירן, שפּילט ער מיט אים 3 חדשים.

א. קומט צוריק אין אַמעריקע, שפּילט אין פילאַדעלפיע, און אַ סעזאָן אין טאַליאַ ביי שפּאַכנער, דערנאָך ווערט ער צוזאַמען מיט טש. גראָל מענעדזשער אין ליבערטי-טעאַטער (2 סעזאָנען), און פון דאַמאָלט אָן כסדר מענעדזשער: שיקאַגאָ (מיט גליקמאַן — 2 סעזאָנען), טאָראָנטאָ (1 סעזאָן), שיקאַגאָ (1 סעזאָן), לאָס-אַנדזשעלאָס (2 סעזאָנען), אין 1926 גאַסטראָלירט א. 2 חדשים אין אַרגענטינע, 1927-8 — מענעדזשער אין לאָס-אַנדזשעלאָס. אין 1928-9 (צוזאַמען מיט א. ליטמאַן) מענעדזשער און שוישפּילער אין דעטראָיט. 1929-30 — צוזאַמען מיט מישע פישזאָן מענעדזשער פון ברוקלינער ליריק טעאַטער, וואו א. שפּילט אויך.

מ. ע.

אולריך

געשפּילט אין יידישע וואָדעוויל-טעאַטערס אין אַמעריקע, דערנאָך אַריבער אין דייטשע שאַנטאַנען אין אַמעריקע.

„אונזער טעאַטער"

דעם 29טן אַפּריל 1923 האָט זיך געגרינדעט אין ניו-יאָרק די „יידישע טעאַטער-געזעלשאַפט". איר אָרגאַניזיר-קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון פּרץ הירשביין, ה. לייוויק, מנחם, מ. עלקין, דר. י. קלינג, דר. ש. פאַקס, מ. קטן און א. שיין. אויף דער גרינדערפאַרזאַמלונג איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט פון: דוד פּינסקי, פּרץ הירשביין, ה. לייוויק, מנחם, מ. עלקין, דר. י. קלינג, דר. ש. פאַקס, מ. קטן, ר. מערלים און דר. גדעון. דער קאָמיטעט האָט זיך צעטיילט אין אַן אָרגאַניזיר- און אין אַ קולטור-קאָמיסיע.

די אויפגאַבן פון דער געזעלשאַפט זיינען געווען: צו שאַפן אַ יידיש קינסטלעריש טעאַטער, דראַמאַטישע סטודיעס, אַ טעאַטער-אָרגאַן א. ד. ג. („טעאַליט", נאָוו. 1923). די געזעלשאַפט, וועלכע האָט אין נאָוועמבער 1923 שוין געהאַט 250 מיטגלידער, האָט אַרויסגעגעבן דעם חודש-זשורנאַל „טעאַליט" (דערשינען 5 נומערן פון נאָוועמבער 1923 ביז מערץ 1924).

נאָך ניט-געלונגענע פאַרהאַנדלונגען מיט מאָריס שוואַרץ, אַז די געזעלשאַפט זאָל איבערנעמען זיין טעאַטער און אַנגאַזשירן אים אַלס איינעם פון די רעזשיסערן, איז ביי דער געזעלשאַפט געגרינדעט געוואָרן אַ טעאַטער-סטודיע מיט מ. עלקין אַלס פאַרוואַלטער, און ריכאַרד באָלעסלאַווסקי, לאַזאַריעוו, אַלעקסאַנדער קאַיראַנסקי, פּראָפ. אחרון, ש. ניגער, י. יאַפע, דר. מוקדוני, דר. י. שאַצקי, לעאָ ליאָוו און מ. עלקין אַלס לערער. אין סטודיע, וועלכע האָט עקזיסטירט 3 סעמעסטערס, האָבן געלערנט איבער 30 שילער. דעם 3טן דעצעמבער 1925 איז א"נ „אונזער טעאַטער" געעפנט געוואָרן אויף באָסטאָן ראָוד און 180טע סטריט אין בראָנקס, ניו יאָרק, אַן אינטים טעאַטער פאַר עקספּערימענטן. די טרופּע איז באַשטאַנען פון: חיים שניאור, מרים עליאַס, אסתר מענדל, בעלאַ בעלערינא, וויטאַלינא, יואלית, ליזאַ וואַראַן, יעקב בלייפער, דוד וואַרדי, עגאָן ברעכער, א. פעקער, יוסף גרינבערג, י. בערגרין, וו. אייזענבערג און יצחק ראַטבלום (די לעצטע 3 פון דער סטודיע) און נאָך פיל שילער פון דער סטודיע. ביים טעאַטער איז געשאַפן געוואָרן אַ קונסט-ראַט פון דוד פּינסקי, פּרץ הירשביין, ה. לייוויק, מ. עלקין און חיים שניאור.

די ערשטע פּיעסע, וועלכע דאָס טעאַטער האָט געשפּילט, איז געווען „טאָג און נאַכט", אַ טראַגעדיע אין דריי אַקטן, לויט די פראַגמענטן פון ש. אַנסקי; ערשטער און דריטער אַקט איבערגעאַרבעט דורך דוד פּינסקי, צווייטער אַקט אָנגעשריבן פון מענדל עלקין (און געדרוקט א"נ „סמאַלס ממשלה" אין „שריפטן", נ. י. 8, 6-1925) רעזשי מ. עלקין מיט דער באַטייליקונג פון עגאָן ברעכער און פּרץ הירשביין, דעקאָראַציעס — ב. אַראָנסאָן, מוזיק — לאַזאַר וויינער.

די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן 79 מאָל.

די צווייטע אויפפירונג איז געווען דוד פּינסקיס „דער לעצטער סך-הכל", רעזשי עגאָן ברעכער, דעקאָראַציעס ב. אַראָנסאָן (געשפּילט געוואָרן 21 מאָל).

די דריטע אויפפירונג איז געווען ראַבאָיס „שטעביק דראָט", רעזשי פון פּרץ הירשביין, געשפּילט 11 מאָל אין אינטימעיט-טעאַטער און דערנאָך אין ברעמהאָל פּליי-הויז, 27טע סטריט, ניו יאָרק.

נאָך אַ דעפיציט פון בערך 10 טויזנט דאָלאַר האָט זיך דאָס טעאַטער געשלאָסן זומער 1926, און גלייכצייטיק דערמיט איז אויך אָפּגעשטעלט געוואָרן די טעטיקייט פון דער „יידישער טעאַטער-געזעלשאַפט".

ש. ע. פון מענדל עלקין.

באַריכטן, „טעאַליט", נאָוועמבער-דעצעמבער, 1923, יאַנואַר און פעב. 1924.

דר. א. מוקדוני — עס וועט זיין אונזער טעאַטער געוויסן, „ליט"בל", 48, 1925.

אוריך, סאַמי

[שמאי; גדליהו]



געב. 28 דעצ. 1882 אין לעמבערג, מזרח-גאַליציע. פאָטער געווען אַן אַנגעשטעלטער אין אַ מאַנופאַקטור-געשעפט, דערנאָך געוואָרן זעלבסטשטענדיק. געלערנט אין חדר און אין ישיבה פון ר' שמואל קאַליש. געענדיקט פאָלקס-שול, געזונגען ביים חזן ברוך קינסטלער.

געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ מאַנופאַקטור-געשעפט, דערנאָך אַריין אין כאָר צו גימפּעלן, דאָרט געווען אַ יאָר. אין משך פון דער צייט שפּילט ער שוין אויך קליינע ראָלן. אַקסעלראַד אַנ-

גאַזשירט אים צו זיך קיין טשערנאָוויץ, און אין סעזאָן 1902־3 טרעט ער אויף צום ערשטן מאָל אַלס „תלמי" אין „אשה רעה", דערנאָך פאָרט ער אַרום איבער דייטשלאַנד מיט יידיש טעאַטער, טרעט אַריין אין קראַקאָווער יידישן טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון עבער, שפּעטער ביי זעליג שאָר, דאַן ביי טאַנענצאַפּ און דערנאָך 5 יאָר מיט האַרטן איבער דער גאַליצישער פּראָווינץ.

בעת דער מלחמה הויבט ער אָן שפּילן ביי אַקסעלראַדן אין טשערנאָוויץ, אָבער ער ווערט גענומען אין מיליטער־דינסט, און ערשט אין 1918, ווען ער קומט צוריק, שפּילט ער 2½ יאָר אין קראַקאַ (דירעקציע מאָזעס יאַקאָב), ווידער אַ יאָר ביי ב. האַרטן אין לעמבערג, 6 יאָר ביי עמיל גימפּעל, איבער דער פּראָווינץ מיט האַרטס טרופּע, און זייט יאַנואַר 1929 אין ווין ביי יונגווירטן. הערבסט 1929 געקומען אין אַמעריקע און אין נאָוועמבער אויפגעטראָטן איין מאָל אין סעקאָנד עווענוי טעאַטער אין „דאָס יידישע האַרץ".

זיין טאָכטער פּערל שפּילט אויף דער יידישער בינע.

מ. ע.

אוריך, צילע

[חיה צילע פעדער]

געב. 22 דעצ. 1887 אין לעמבערג, מזרח־גאַליציע. עלטערן־קליינהענדלער. אין עלטער פון 17 יאָר אָנגעהויבן שפּילן מיט „ליבהאָבער", מיט וועלכע זי שפּילט אַ יאָר צייט.

זעליג ליבגאָלד, דער געשעפטספירער פון טאַנענצאַפּס טרופּע, קומט זוכן אַ סוברעטין פון די „ליבהאָבער"־קרייזן", און ער אַנגאַזשירט א. מיט דער הסכמה פון אירע עלטערן. איר ערשטער אויפטריט אויף דער פּראָפעסיאָנעלער בינע איז אַלס „רבקה ספּאָדעק" אין „ביידע קוני לעמעל" אין פּאָדהייצע, גאַליציע, פון וואַנען זי וואַנדערט אַרום מיט דער טרופּע, און 1907־8 גייט זי איבער אין משה ריכטערס וואַנדער־טרופּע, שפּעטער צו עטלעכע חדשים ביי עבעלן, אַקסעלראַד אין טשערנאָוויץ און אין דער פּראָווינץ, דאַן ביי אשכנזי אין יאַסי, און אין דער „יידישער בינע" (דירעקציע עדעלהאַפּער), ווידער אין גאַליציע ביי טאַנענצאַפּ, און ווען ב. האַרט באַקומט זיין קאָנצעסיע, פאָרט זי מיט אים אַרום 5 יאָר איבער דער פּראָווינץ פון גאַליציע.

בעת דער מלחמה שפּילט זי אַ סעזאָן אין טשערנאָוויץ ביי אַקסעלראָד, פון דאָרט אַלס פּליטטלינג קומט זי קיין ווין, וואו זי שפּילט אין זיגלערס טרופּע ביז אָנהויב 1918. דאַן פאָרט זי צוריק קיין קראַקאַ, וואו זי שפּילט איבער 2 יאָר אונטער דער דירעקציע פון מאָזעס יאַקאָב, ווידער צוריק אויף אַ סעזאָן צו האַרטן אין לעמבערג, 6 יאָר ביי עמיל גימפּעל, פאָרט איבער דער פּראָווינץ מיט האַרטס טרופּע און זייט 1929 אין ווין ביי יונגווירטן. הערבסט 1929 געקומען אין אַמעריקע און אין נאָוועמבער אויפגעטראָטן איין מאָל אין סעקאָנד עווענוי־טעאַטער אין „דאָס יידישע האַרץ".

אַמפּלואַ — כאַראַקטער־ראָליסטין.

מ. ע.

אַזראַ, אַלעקסאַנדער

[אָרליוק]

געב. 1892 אין ווילנע, פּויליש־ליטע, ביי עלטערן — פאַרוואַלטער פון הייזער. שפּעטער האָט דער פאָטער פאַרוואַלטעט אַ האָטעל.

געלערנט ביז 13 יאָר אין חדר (דערנאָך אין דער היים, באַזונדערס העברעאיש), געענדיקט די שטאָטישע שול און געלערנט אין רעגירונגס־שולן.

צו דער בינע האָט ער אַרויסגעוויזן אַ חשק נאָך אַלס קינד, געלערנט צוזאַמען אין חדר מיט סאָניע עלמיתס ברודער, און זיי ביידע פלעגן מאַכן „צירק־פאָרשטעלונגען" פאַר קינדער, שפּעטער גענומען אַנטייל אין די דראַמאַטישע קרייזן פון „בונד" אונטער דער לייטונג פון י. פּיראָזשניקאָוו.

אין עלטער פון 13 יאָר מאַכט א. דעם ערשטן עפנטלעכן אַרויסטריט צוזאַמען מיט עלטערע בעלי־מלאכות אַלס „יהודה" אין „מכירת יוסף". ער ווערט באַמערקט פון אַקטיאָר בערטאַנאָוו, וועלכער נעמט אים אַריין אין אַ רוסישן וואָדעוויל. ער באַטייליקט זיך אויך אין די גאַסטראָל־פאָרשטעלונגען פון בן־עמין.

צו 16 יאָר געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, געזעסן אַרעסטירט אין לוקאַשקער טורמע, און דאַן אַנטלאָפן קיין קיעוו, וואו ער טרעט אַריין אין דער דאָרטיקער „קונסט־שול", אין דער אָפּטיילונג פון מאַלעריי, באַזונדיק גלייכצייטיק אַ רעאַל־שול אויף אַ סטיפּענדיע פון באַראָן גינצבורג, און באַטייליקט זיך אַלס סטאַטיסט און שפּעטער אין קליינע ראָלן אין סאָלאָווצאָוו־טעאַטער.

א. טרעט אַריין אין יורידישן פאַקולטעט פון קיעווער האַנדלס־אינסטיטוט, וואו ער לערנט דריי־פערטל יאָר, דערנאָך דינט ער אַ יאָר אין מיליטער, און שטעלט דאָרט רוסישע פאָרשטעלונגען.

נאָכן מיליטער־דינסט פאָרט א. צוריק קיין ווילנע, וואו עס איז דאַן אַנטשטאַנען אַ ליטעראַריש־דראַמאַטישער קרייז. פּרץ הירשביין איז דאַמאָלט אין ווילנע, און פירט אויף זיינע פּיעסן און שפּילט אַליין מיט. א. באַטייליקט זיך אין די דאָזיקע פאָרשטעלונגען צוזאַמען מיט נאַכבוש, שניאור, עלמית, ריוואָקינאַ און בלומענטאַל, און פאָרט אַרום איבער דער ליטווישער פּראָווינץ.

אין דער מלחמה־צייט, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט א. געשאַפן אין ווילנע אַ קרייז פון יידישע אינטעליגענטן, פאַר וועלכע ער פלעגט מיט „ליבהאָבער" אויפפירן איינאַקטערס אויף יידיש און דעקלאַמירן. דערווייל איז געשען אַ צופאַל: דער באַזיצער פון דאָרטיקן צירק, גורעוויטש, מורא־האָבנדיק, אַז מ׳וועט רעקווירירן דעם צירק, גיט ער אים איבער דעם דראַמאַטישן קרייז.

א. אָרגאַניזירט די ערשטע פאָרשטעלונג, אויף וועלכער עס איז אויפגעפירט געוואָרן אַש׳ס „דער לאַנדסמאַן". די גרופּע האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע איבערצורייסן פולשטענדיק מיטן אַלטן רעפּערטואַר, און זיך גענומען סטאַניסלאַווסקיס טרופּע אַלס פאָרבילד.

די דאָזיקע גרופּע איז עס געוואָרן די שפּעטער באַרימטע „ווילנער טרופּע", וועלכע האָט פון ווילנע גאַסטראָלירט איבער פאַרשיידענע שטעט, ביז זי איז געקומען אין וואַרשע, און דערנאָך געפאָרן קיין לאָדזש.

אין 1918 פאָרט א. צוזאַמען מיט סאָניע עלמית, מיט וועלכער ער האָט חתונה, קיין ווילנע, וואו ער שפּילט מיט אַ טרופּע אַ סעזאָן, און דערנאָך, שוין אונטער די באָלשעוויקעס, ווען עס ווערט אָרגאַניזירט אַ „יידיש־מלוכה־טעאַטער", ווערט א. דער אָנפירער

פון דאָזיקן טעאַטער, און שפּעטער פון יידישן טעאַטער, וועלכן ס'עפנט די „יידישע טעאַטער־געזעלשאַפט“ אונטער דער פאַרשטייערשאַפט פון דר. וויגאָדסקי און דר. שאַבאַד. דאָ פירט א. אויך אויף פאַר קינדער „דער גליקלעכער פּרינץ“ פון אָסקאַר אואיילד, דראַמאַטיזירט דורך אים.

פון ווילנע פאָרן א., עלמית, זשעלאַזאָ און בירנבוים איבער פּוילן מיט קינסטלערישע אוונטן.

ווען די פּאָליאַקן קומען ווידער אַריין אין ווילנע, פאָרט א. אָפּ קיין קאָוונע, און אָרגאַניזירט דאָרט א דראַמאַטישן קרייז מיט ליבהאָבער און אַקטיאָרן, מיט וועלכע ער שפּילט איבער דער פּראָווינץ, און פאָרט פון דאָרט אָפּ קיין בערלין.

אין 1920 שאַפט ער אין בערלין א „יידישע טעאַטער־געזעלשאַפט“ מיט דר. גראַנעמאַן, באַרט, לעאָ ווינץ, הערמאַן שטרוק און אַרנאָלד צווייג אָן דער שפּיץ, און כדי פאַר זיי צו דעמאָנסטרירן די מעגלעכקייט פון שפּילן יידיש קינסטלעריש־טעאַטער, אָרדנט ער איין אין בערלין א ריי קינסטלערישע אוונטן.

דער פּלאַן נעמט אוים: מיט דער הילף פון דער געזעלשאַפט, פילם־רעזשיסער העגרי גאַלען, און ריינהאַרדס אַקטיאָר דזשאָן גאָטאָוו ווערט דעם 1טן סעפּט. 1921 געעפנט מיט פּרץ הירשביינס „פּוסטע קרעטשמע“ דאָס יידישע קינסטלערישע טעאַטער אין בערלין אויף דער קאָמענדאַנטען־שטראַסע. די פאָרשטעלונגען האָבן געמאַכט א רושם און זיינען באַזוכט געוואָרן אויך פון א ניט־יידיש פּובליקום. אָבער די געשעפטן גייען אַוועק שלעכט, און א. מאַכט מיט דער טרופּע א טורנע איבער דייטשלאַנד, שפּילנדיק מיט א באַזונדערן דערפאָלג אין לייפּציג. דער בעלגישער דראַמאַטורג זשאָן פאַבריציוס פאַרבעט דאַן די טרופּע קיין האָלאַנד, וואו דער דערפאָלג איז נאָך גרעסער, פון דאָרט פאָרט א. מיט דער טרופּע קיין בעלגיע, דערנאָך קיין פּאַריז, וואו עס ווערט צום ערשטן מאָל געשפּילט יידיש אין עלעגאַנטן טעאַטער שאַנס־עליזע, און שפּעטער אין לאָנדאָן אין קינגס־וויי־טעאַטער.

ווען א. קומט אין בערלין, ווערט אויפגעלעבט די טעטיקייט פון דער „יידישע טעאַטער־געזעלשאַפט“ מיטן צוועק ווידער צו פאַראייניקן די גאַנצע „ווילנער טרופּע“. צוליב דעם קלאַפּ פון דער דייטשער וואַלוטע איז זיך אָבער די געזעלשאַפט צעפאַלן, און א. מאַכט ווידער מיט דער ניי צוזאַמענגעשטעלטער טרופּע א טורנע איבער האָלאַנד און לאָנדאָן. דאָ ווערט ער אַנגאַזשירט פון טאָמאַשעווסקין צו קומען מיט דער טרופּע קיין אַמעריקע.

אין ניו־יאָרק הויבן זיי אָן שפּילן אויף בראָדוויי, אָבער צוליב אַן אינערלעכן סכסוך גייט די טרופּע איבער אין „נייִשאָנאַל“, נאָר דער קאָנטראַקט ווערט אַנולירט דורך דער יוניע.

א. פאָרט דאַן מיט א טורנע איבער אַמעריקע און קאַנאַדע און בעת א צווייטן טורנע שפּילט ער 7 חדשים אין קאַליפאָרניע.

אין 1925 שפּילט ער מיט דער „ווילנער טרופּע“ אין שיקאַגאָ, נאָר צוליב יוניע־געזעצן מוז די טרופּע אַריינטרעטן אין דאָרטיקן סטאַבילן יידישן טעאַטער צו שפּילן נאָר צוויי טעג א וואָך.

א. ווערט דאַן אַליין דירעקטאָר פון דער טרופּע, און מיט אייניקע מיטגלידער פון דער „ווילנער טרופּע“ און אייניקע יוניע־מיטגלידער הייבט ער אָן אין סעפּטעמבער 1926 שפּילן אין ניו־יאָרק אין ליפּצין־טעאַטער, אָבער די פאָרשטעלונגען האָבן ניט קיין דערפאָלג, און א. טרעט אָפּ פון דער דירעקציע. זייט 1926-7 פאָרט א. אַרום מיט זיין פרוי אויף קינסטלערישע אוונטן, אָדער שפּילט איינצלנע פאָרשטעלונגען מיט פאַרשיידענע טרופּעס.

1929 איז א. אָפּגעפאָרן קיין בעלגיע, וואו ער גרינדעט אין אַנטווערפּן א נייע „ווילנער טרופּע“.

אַמפּלואַ — דראַמאַטישע ראָלן.

ש. ע.

אב. קאַהאַן — עלמית און אזרא אין „אייפערזוכט“ און „מאָטקע גנב“, „פאָרווערטס“, 15 מערץ, 1929.

נ. ב. לינדער — די קונסט־פאָרשטעלונגען פון אזרא־עלמית, „טאָג“, 15 מערץ, 1929.

זלמן רייזען — די געשיכטע פון דער „ווילנער טרופּע“, „ווילנער זאַמלבוך“.

אַטלאַס, דזשעני

[געב. 30 נאָוו. 1880 — געשט. 9 יולי 1927]

געב. 30 נאָוו. 1880 אין סובאַלק, פּויליש־ליטע, אין עלטער פון 4 יאָר געקומען מיט דער פאַמיליע קיין ניו־יאָרק. דאָ געענדיקט פּאָבליק־סקול, געווען א מיטגליד אין א דראַמאַטיק־קלאָב, און פון דאָרט אַריין אין יידישן וואָדעוויל־טעאַטער. געשפּילט אין טאַליאַ מיוזיק־האָל, בראָדוויי־מיוזיק־האָל, און ביי אַגעדן, געווען א מיטגליד אין לאָקאַל 5, אין פאַרשיידענע צייטן געהאַט דעם ליס אויף מעטראָפּאָליטאַן זינגער־האָל אין בראָנזוויל, קלעירמאָנט־טעאַטער אין בראָנקס, אויך אָנגעפירט מיט אייניקע קאָמפּאַניעס, וואָס האָבן געשפּילט לעגיטים־טעאַטער, און אַליין געשפּילט אין לעגיטימען טעאַטער אין ניו־יאָרק, וואו זי האָט געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט אַדלער, קעסלער און טאָמאַשעווסקי, דאַן געשפּילט לעגיטים טעאַטער אייניקע סעזאָנען אין פילאַדעלפיע און אין אַנדערע שטעט. איר לעצטער אויפטריט איז געווען אין באָפאַלאָ. נאָכדעם ווי זי איז 2 יאָר קראַנק געווען, איז זי דעם 9טן יולי 1927 געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן הר־חברון.

א. האָט איבערגעלאָזט א טאָכטער, סילוויאַ, וועלכע האָט געשפּילט קינדער־ראָלן, און א זון, הערי געביל, וועלכער איז מענעדזשער אין זיין פאָטערס, מאַקס, טעאַטער.

מ. ע. פון הערי געביל.

אידינאַ

[אידאַ שעוואַכאָוויץ]

געב. 4 יוני 1904 אין גראָדנע, פּויליש־ליטע, ביי בעל־הביתישע עלטערן. געענדיקט זיבן קלאַסן גימנאַזיע, זיך באַטייליקט אין די שול־פאָרשטעלונגען, שפּעטער מיטגעשפּילט מיט „ליבהאָבער“. נאָך איר חתונה מיטן אַקטיאָר יוסף חאַש, אָנגעהויבן שפּילן פּראָפעסיאָנעל, פריער אין רומעניע און זייט 1928 אין דער „ווילנער אָפּערעטן־טרופּע“ אין פּוילן.

ש. ע.

אידישע אַקטיאָרען־יוניאָן

[זע יידישע אַקטיאָרן־יוניע].

איזבעסקאָ, פּינקוס

[פּנחס איזבעסקי]

געב. 26 מאַי 1879 אין קעשעניעוו, בעסאַראַביע. פאָטער — באַזיצער פון אַ גאַלאַנטערי-געשעפט. געלערנט אין חדר און שפּעטער אין שול. פון 1914 אַדמיניסטראַטאָר פון רוסישע און יידישע „ליבהאָבער"-פאָרשטעלונגען. אין 1918 געבראַכט גאַסטראָלירן אסתר רחל קאַמינסקי קיין קעשעניעוו, דערנאָך אַרומגעפאָרן מיט דוראָווס צירק. געאַרבעט אַ יאָר אַלס פאַרוואַלטער ביי זיין ברודער באָרים ניעוואָלין, דעם רעזשיסער פון רוסישן טעאַטער „אינטים" אין פעטראָגראַד, שפּעטער געוואָרן אַדמיניסטראַטאָר פון זיין ברודערס טרופּע איבער דער פּראָווינץ. אין 1920 געוואָרן פאַרוואַלטער אין דער טרופּע פון חיים מאיר סעגאַלעסקאָ, דערנאָך אין מישע פישזאָנס „מוסטער-טעאַטער", פאַרשיידענע חברים-טרופּעס, דאַן ווידער מיט מישע פישזאָנס טרופּע, און אין 1928 מיט-דירעקטאָר אין טעאַטער נאו אין בוקאַרעסט.

מ. ע.

איזמאַליאָננאַ

[געב.... — געשט....]

פלעגט שרייבן לידלעך און מוזיק פאַר גאָלדפאַדענס פּיעסן און האָט פאַרפאַסט אַלע לידלעך און די מוזיק צו גאָלדפאַדענס צייטפּיעסע „די קאַטאַסטראָפע פון בראַאילאַ".

מ. ע. פון דוד הירש.

איטעלמאַן, לייזער

[געב.... — געשט....]

געווען פריער אַ חזן אין סיביר, דערנאָך געוואָרן אַ „בראָדער-זינגער", אַרומגעפאָרן מיט וועלוול זבאַרזשער, און צוזאַמען מיט באָרים אַלטמאַן (באַד-גוי) אַריינגעטראָטן אין ישראל ראָזענבערגס טרופּע אין אָדעס.

ווען גבריאל פינקעלשטיין פירט אַ יידישע טרופּע, באַטייליקט ער זיך, שוין אַ זיבציקער, ביי אים אין כאָר.

מ. ע. פון אברהם פישקינד און דוד הירש.

אייבראַמס, דוד

געב. 28 אַפּריל, 1884 אין טיראַספּאָל, אוקראַאינע. אין עלטער פון 8 יאָר אַריין אין ר' הערשלס ישיבה אין אומאַן און געלערנט אין טאַלנער קלויז. אין 1896 וואַנדערט די פאַמיליע אויס קיין לאָנדאָן, וואו א. אַרבעט ביי-טאָג אַלס קאַמאַשן-שטעפּער און אין אוונט לערנט ער ביי ר' אבא ווערנער, רב פון „מחזיקי הדת", גלייכצייטיק לערנט זיך א. ענגליש, און 4 יאָר שפּעטער טרעט א. אַריין אין ענגלישן הענרי אירווינג דראַמאַטיק און ליטעראַרי קלאָב.

אין 1902 גרינדעט א. צוזאַמען מיט י. ל. כהן דעם „פאָרווערטס-קלאָב" אין לאנדאָן, אין וועלכן י. ל. כהן פלעגט יעדן זונטאג ריידן וועגן ליטעראַטור, און א. פלעגט זינגען יידישע פאָלקס-לידער, פאָרלייענען און דעקלאַמירן פון יידישע קלאַסיקער און אימיטירן די דאַמאָלדיקע באַרימטע ענגלישע שוישפּילער. אַ יאָר שפּעטער פאַרעפנטלעכט א. אין „אידישען טעלעגראַף" אַ סעריע אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן.

אין 1907 איז א. געקומען אין אַמעריקע און דאָ אַרויסגעטראָטן מיט פאָרלעזונגען, באַזונדערס וועגן דראַמע און טעאַטער-פּראָבלעמען, געווען אַ צייט טעטיק און אויך פּרעזידענט פון ליטעראַריש-דראַמאַטישן קלאָב.

זייענדיק אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער אין די געווערקשאַפטן, איז א. אויך טעטיק אין דער אָרגאַניזאַציע-אַרבעט פון דער אַקטיאָרן-יוניע, און פירט אָן דעם שטרייק פון די יידישע אַקטיאָרן צוליבן לאָקאַוט פון מייקל מינץ און ליפּצין בעת די גאַסטראָלן פון קאַמיסאַרזשעווסקאַ. דערנאָך איז א. געווען אַקטיוו אין פאָלקס-פאַרבאַנד אונטערצושטיצן דאָס קונסט-טעאַטער, און ביי דער שאַפונג פון אַרבעטער-טעאַטער-פאַרבאַנד, וואו ער איז עקזעקוטיוו-מיטגליד און סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד. 1929 — וויצע-פּרעזידענט פון „אַרטעף", פון וועלכן ער רעזיגנירט סוף פון זעלבן יאָר.

ש. ע.

אייגענפעלד

[ערבער]

געב. אין סטאַניסלאַוו, גאַליציע. פאַרפאַסט די מעלאָדראַמע „פלוך דער ליבע", וועלכע איז געשפּילט געוואָרן אין טשערנאָוויץ ביי אַקסעלראַדן, און דערנאָך אין פיל אַנדערע יידישע טרופּעס, און די אָפּערעטע „דער קאָמישער באַל" (מוזיק פון חנא וואָלפסטהאַל), געשפּילט דורך אַקסעלראַדן אין טשערנאָוויץ. א. איז אַ שוועסטער פון סופלער יוליוס ערבער.

מ. ע. פון שלום פּערלמוטער.

אייזמאַן, גאָלדע

געב. 15 מאַי, 1906, אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, פאָטער — אַ שניידער. געלערנט ביי אַ רבי, פּאָבליק-סקול און 1 קלאַס האַי-סקול.

די פאַמיליע טראָגט זיך איבער קיין מאָנטרעאַל, דאָרט קומען צו זיי אַריין יידישע אַקטיאָרן, וועלכע נעמען זי אַמאָל מיט שפּילן אַ קינדער-ראָל, און אַזוי בלייבט זי שוין שפּילן קינדער-ראָלן ביז 1923, ווען יעקב קאָהן ברייננגט זי אַראָפּ קיין ניו-יאָרק, וואו זי טרעט אויף אין ליפּצין-טעאַטער צום ערשטן מאָל אַלס סוברעטין אין דער פּיעסע „די פאַרגעסענע כלה" צוזאַמען מיט לאָבעל און יעקב קאָהן. פון דאָרט גייט זי איבער אין לענאָקס-טעאַטער, וואו זי שפּילט 2 סעזאָנען, זייט 1927 אין נייִשאָנאַל-טעאַטער און 30-1929 אין געבילס פּאָבליק-טעאַטער.

אַמפּלואַ — יונגטלעכע סוברעטין.

מ. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנימ'ער אויף אונזער ביהנע", „מאָ"זש", נ. י. 11 נאָוו. 1927.

אייזענבערג, אברהם

געב. 14 יאַנואַר 1879 אין ווילנע, פּויליש־ליטע. פֿאָטער — אַ סוחר. געלערנט אין חדר, רעאַל־שול און אין דער קונסט־שול פֿון וואַרשע, שפּעטער געענדיקט די קונסט־אַקאַדעמיע אין פּאַריז.

נאָך זיין חתונה מיט דער אַקטריסע נעמי, וועלכע איז פֿאַרבונדן מיט דער „ווילנער טרופּע“, ווערט ער צוזאַמען מיט זיין ברודער אויף אַ געוויסער צייט דירעקטאָר פֿון דער „ווילנער טרופּע“, איז דער ערשטער צו אַנגאַזשירן אַ ספּעציעלן רעזשיסער (דר. מ. וויכערט) און אַ מאָלער (האַנעמאַן) אַלס דעקאָראַטאָר.

א. האָט איבערזעצט זודערמאַנס פּיעסן „היימאַט“, „דאָס גליק אין ווינקל“ און „סדום׳ס אונטערגאַנג“, אייניקע פּיעסן פֿון די פּוילישע דראַמאַטורגן באַלוצקי און זאַפּאָלסקאַ, דימאָווס „יאַשקע מוזיקאַנט“ (אויפֿגעפֿירט ביי די „ווילנער“) און „דער אייביקער וואַנדערער“.

זייט 1924 האָט זיך א. באַזעצט אין אַמעריקע, וואו ער האָט אַלס סקולפּטאָר געמאַכט ביוסטן פֿון פֿאָלגנדיקע טעאַטער־מענטשן: דר. מוקדוני, לודוויג זאַץ, און פֿון די פֿאַרשטאָרבענע זיגמונט פֿיינמאַן און פּרץ סאַנדלער.

א. איז אין 1928 אַ קורצע צייט געווען דירעקטאָר פֿון דער „ווילנער טרופּע“ אין בראָנקס.

מ. ע.

אייזענבערג, אהרן

געב. אין 1892 אין לאָדזש, פּוילן. עלטערן — וועבערס. געלערנט אין חדר. אין 1910, באַזיצנדיק אַ שטים, און פֿילנדיק אַ נייגונג צו דער בינע, איז ער אַריינגעטראָטן אין אַ ליבהאָבער־גרופּע, און נאָך אַ קורצער צייט געוואָרן אַ פּראָפֿעסיאָנעלער אַקטיאָר, וואַנדערנדיק איבער פּוילן. אין 1928-9 האָט א. געשפּילט אין וואַרשעווער קאַמינסקי טעאַטער.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער־קאָמיקער.

מ. ע.

אייזענבערג, אַווראָם

געב. 29 יולי 1899 אין וואַסילקאָוו, קיעוו. גוב., אוקראַאינע. פֿאָטער — אַ גלעזער, און אַ משורר ביי חזנים. געלערנט אין חדר, דערנאָך אין קאָמערץ־שול, שפּעטער געוואָרן אַ דרוקער. אין 1918 זיך צופֿעליק באַטייליקט אין דראַמאַטישן קלוב פֿון דער ציוניסטישער יוגנט אין וואַסילקאָוו, און זיך געלערנט שפּילן וויאָלין. 1919-24 זיך געלערנט אין דער טעאַטער־סטודיע פֿון דער קולטור־ליגע, שטודירט ביי וואַכטאַנגאָוון און זיינע תלמידים און ביי מערכאָלדן. 1924-6 געלערנט אין דער סטודיע

פֿון וויים־רוסישן מלוכה־אינסטיטוט פֿאַר טעאַטראַלער קונסט (ראַפּאַלסקי א. א.) און זייט 1926 — אַקטיאָר און שפּעטער אויך רעזשיסער אין „ווי״מט“.

ש. ע.

אייזענבערג, מאיר

געב. אַפּר. 1894 אין אָזאָרקאָוו, פּוילן. שטאַמט אָפּ פֿון פֿאָטערס און מוטערס צד פֿון רבנים.

געלערנט אין חדר און אין מאַקאָווער ישיבה, און למודי־חוץ אין דער היים.

על פּי צופֿאַל סופֿלירט פֿאַר „ליבהאָבער“ די פּיעסע „ישיבה בחור“, און באַלד דערויף אָנגעהויבן וואַנדערן מיטן אַקטיאָר איצקאָוויטש איבער גאַליציע. זייט 1922 געוואָרן אַ פּראָפֿעסיאָנעלער סופֿלער, על פּי רוב אין לאָדזש.

מ. ע.

אייזענשטאַרק, שלמה

געב. 27 סעפּט. 1893 אין וואַרשע, פּוילן. אויפֿגעצויגן געוואָרן אין לאָדזש, און דאָרט געענדיקט 4 קלאַסן אין קאָנשטאַטס שול. אין די יאָרן 1910־1914 געלערנט קונסט־מאָלעריי ביים קינסטלער האַנימאַן, און דאַן אָנגעהויבן שרייבן איינאַקטערס פֿאַר יידישע וואָדעוויל־טעאַטערס.

דורך דער איניציאַטיוו פֿון האַנימאַן טרעט ער אַריין אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער אַלס דעקאָראַטאָר, באַלד ווערט ער דאָרטן געהילף־רעזשיסער, און פֿאָרט דערנאָך אַרוים מיט אַ טרופּע איבער דער פּוילישער פּראָווינץ שוין אַלס אַקטיאָר. צוריקגעקומען, טרעט ער שוין אויף אַלס בוף־קאָמיקער אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער, דאַן שפּילט ער אין וואַרשע מיט סט. קלער, ווערט אַ מיטגרינדער פֿון דער „ערשטער יידישער פֿאַראייניקטער דראַמאַטישער טרופּע אין ליטע“ אַרומפֿאָרנדיק איבער ליטע.

אין 1922 קומט א. קיין פּאַריז, ווערט אַ מיטגליד אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער, וואו ער שפּילט מיט הפסקות ביז היינט.

א. האָט פֿאַרפֿאַסט אַן אָפּערעטע „דער יידישער שטאָלץ“ (אויפֿגעפֿירט דורך יוליוס אַדלער אין סקאַלאַ טעאַטער אין לאָדזש) און האָט סצעניזירט הוגאָס ראָמאַן „דער גבור אין קייטן“ (אויפֿגעפֿירט דורך אַדלער אין לאָדזשער סקאַלאַ־טעאַטער).

אַמפּלואַ — בוף־קאָמיקער.

ש. ע.

אייזענשלאָס, אַלטער

[געב. 22 יאַנ. 1879 — געשט. 31 אויג. 1925]

געב. 22 יאַנ. 1879 אין נאָוואָמינסק, (איצט מינסק-מאַזאָוויעצק), וואַרש. גוב., פּוילן, ביי זייער פרומע, חסידישע עלטערן. 3 יאָר דערנאָך ברעכט אויס אין שטעטל אַ גרויסע שׂרפה, די עלטערן ווערן נשׂרפים, און טראָגן זיך איבער קיין וואַרשע.

דער פאָטער — אַ געוועזענער רב, נעמט אַליין לערנען זיין 3־יאָריקן זון, וועלכער הייבט אָן אַרויסווייזן אַ גרויסע תּפיסה און חריפות, און צו 10 יאָר לערנט שוין א. אַליין פאַר זיך ש״ס, אַרויסרופנדיק באַוואונדערונג אפילו ביי גרויסע לומדים, און ער באַקומט אַ נאָמען אַלס עלוי.

צו 11 יאָר שטאַרבט אים זיין מוטער, וועלכע ער האָט שטאַרק ליב, און ער פאַלט אַריין אין אַזאַ מעלאַנכאָליע, אַז ער הערט אויף אינגאַנצן צו לערנען.

אין דער זעלבער צייט קומען אים אונטער דער האַנט די ווערק פון דינענזאָן, מענדעלע און פּרץ. ער שלינגט די ביכלעך בגנבה, און אונטער דעם איינדרוק פון דער נייער וועלט, וואָס די ביכלעך רופן ביי אים אַרויס, פאַרלירט ער דעם חשק צו לערנען, און ווערט צו 13 יאָר אַ קאָמאַשן-שטעפּער. אין דער זעלבער צייט לערנט ער זיך אַליין אויס שרייבן יידיש און רוסיש.

צו 15 יאָר הויבט ער אָן שרייבן לידער, וועלכע ווערן שפּעטער צוזאַמען מיט אַ גאַנצן פּאַק אַנדערע כּתבֿים, ווי דערציילונגען און איינאַקטערס, פאַרברענט פון זיין פאָטער.

צו 17 יאָר ווערט אים קאָמאַשנשטעפּעריי נמאס, און ניט קאָנענדיק מער אַריבערטראָגן די רדיפות אין שטוב, גנבעט ער אַרויס 10 רובל ביי אַ שוועסטער, און אַנטלויפט פון וואַרשע. 4 יאָר ריכט ער אָפּ גלות איבער פּוילן און ליטע, הונגערט און פרירט, און וואו ער טאָגט, נעכטיקט ער ניט. צו 21 יאָר קומט ער צוריק, ווערט באַפרייט פון מיליטער־דינסט, מאַכט שלום מיטן פאָטער, האָט חתונה, נעמט זיך צוריק צו דער אַרבעט, און אַנטוויקלט ווייטער זיין בילדונג.

אין 1908 שרייבט ער אָן זיין ערשטע פּיעסע „די געשטערטע חתונה“, וועלכע איז דעם 24 פעברואַר 1917 אויפגעפירט געוואָרן אין ווין אין סטעפּאַניע־טעאַטער דורכן אַקטיאָר רייזמאַן.

אין 1914 טראָגט ער זיך איבער קיין קראָקע, דעמאָלט עסטרייך.

בעתן אויסבראָך פון קריג, ווערט ער פאַרוואַלגערט אין אַ באַראַקן-לאַגער אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל פון מערן. דאָרט גרינדעט ער צוזאַמען מיטן דירעקטאָר פון באַראָן הירש-שולן, לולקער, אַ לייענשטוב, אַ ביבליאָטעק, אַ טעאַטער־גרופּע, וועלכע שפּילט יעדן שבת און זונטאָג. ער שרייבט דאָן פאַר זיי פיל איינאַקטערס צווישן זיי „די שווינדזיכטיקע“, „אַ שטיקל צוקער“, „דער טעות“, „זאָשע־פּאָפּיעלע“, „אַ חתן — אַ פּאָעט“, „הערש וועלוועלע“, „צווישן צוויי פלאַמען“ און „קאָנקורענטן“.

אין 1915 הויבט ער אָן אַרבעטן אַלס קאָרעספּאָנדענט פון לעמבערגער „טאַגעבלאַט“ און אין „ווינער מאָרגען־ציייטונג“. אין 1916 ווען דער געפאַנגען־לאַגער ווערט אַריבערגעטראָגן אין לינדענבורג, מערן, גרינדעט ער אויך דאָרט אַ ביבליאָטעק און אַ טעאַטער־גרופּע.

אין 1917 שרייבט ער אָן זיין פּיעסע „זעליג פורמאַן“, וועלכע ווערט דעם 4טן פעברואַר 1918 אויפגעפירט אין ווינער סטעפּאַניע־טעאַטער אונטער דער רעזשי פון רייזמאַן.

אין 1918 פאָרט א. צוריק קיין קראָקע, און שרייבט דאָרט אָן

אַ פּיעסע „כּסא הרבנות“, אין וועלכער ער צייכנט אויף אַ קינסטלערישן אופן די איבערלעבענישן און די קאָנפליקטן אין אַ רבנישן הויף. די פּיעסע איז דעם 23טן יולי 1921 אויפגעפירט געוואָרן דורך זיגמונד טורקאָוו אין וואַרשעווער צענטראַל־טעאַטער. די פּיעסע האָט אויך געזאָלט דערשיינען אין י. מ. ווייסנבערגס פאַרלאַג, וואָס עס איז אבער ניט געשען צוליב אַ שׂרפה.

אין 1920 טראָגט זיך א. איבער קיין לאָדזש, וואו ער ווערט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „לאָדזער טאַגעבלאַט“, אין וועלכן ער דרוקט אייניקע הונדערט פאָלקס־דערציילונגען און חסידישע מעשׂיות ווי אויך מאָדערנע דערציילונגען, וועלכע ווערן איבערגעדרוקט אין דער יידישער פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט. דאָ באַטייליקט ער זיך אויך אַקטיוו אין ליטעראַטן־פאַריין, אויסצייכנדיק זיך אַלס איבערגעבענער חבר און ערלעכער מענטש.

אין לאָדזש נעמט זיך א. ווידער ענערגיש צום שרייבן פּיעסן, און אַזוי שרייבט ער דאָ אָן „אין יענע צייטן“ — אַ פאָלקס־פּיעסע פון מהרל׳ס צייטן, „אין די שטורם־טעג“ — אַ מלחמה־דראַמע, „דער קינסטמאַלער“, „די פילאַנטראָפּן“, „דער פעלדשער־יונג“, אַ לעבנסבילד אין 4 אַקטן, וואָס איז דעם 31טן יאַנואַר 1925 אויפגעפירט געוואָרן אין לאָדזשער סקאַלאַ־טעאַטער דורך קאָמפּאַניעס טרופּע.

א., וועלכער האָט נאָך מיט יאָרן פריער אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע באַגייסטערונג פאַר דער שוישפּילערין אסתּר רחל קאַמינסקאַ, האָט אויך אָנגעהויבן שרייבן אַ פּיעסע „די שוישפּילערין“, אין וועלכער ער האָט געוואָלט, אויפן אופן פון דיומאַס פּיעסע „קין“, שילדערן דאָס לעבן פון אסתּר רחל קאַמינסקאַ, אָבער די שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען, אין וועלכע ער האָט פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן, האָבן געהאַט זייער ווירקונג; א. האָט געליטן פון אַ כראָנישן בראָנכיט. אין אָקטאָבער 1924 האָט ער זיך צוגעקילט, באַקומען אַ לונגען־אָנצינדונג, און נאָכן קרענקען אייניקע חדשים, איז ער דעם 31טן אויגוסט 1925 געשטאָרבן אין לאָדזש און דאָרט געקומען צו זיין אייביקער רו.

ש. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, I, זז. 4־73.
א. אייזנשלאָס — „דער דאַנק“ אין „טא״ק“, לאָדזש 3, 1922.
יוסף טורקאַ — א. אייזנשלאָס, „ליט״בל“, 48, 1925.
נעקראָלאָגן אין „לאט״בל“, „נפ״בל“ און „היינט“.
יוסף טורקאַ — אלתר אייזענשלאָס, „נפ״בל“, 22 אויג. 1926.
חיים לייב פוקס — אַלטער אייזענשלאָס, „לאָ״טבל“, 22 אויג. 1926.
א. אייזנשלאָס — יידיש טעאַטער אין די עסטרייכישע באַראַקן־לאַגערס. „טעאַטער זכרונות“, רעד. ז. זילבערצווייג, ווילנע, 1928, זז. 11־26.

אייזערמאַן, לייבל

געב. 28 אַפּריל 1875 אין קעשעניעוו, בעסאַראַביע. פאָטער — אַ בייגל־פאַרקויפער, זייער אַ פרומער (פלעגט שבת ריידן נאָר לשון־הקודש). געלערנט אין חדר און אין דער אַלטער ישיבה פון קעשעניעוו.

א. האָט געהאַט אַ קול נגינה און פלעגט זינגען לידלעך פאַר די געזעלן פון זיין ברודערס שניידער־וואַרשטאַט.

א. אַנטלויפט פון ישיבה קיין אָדעס און טרעפט דאָרט זיינעם אַ ישיבה־חבר, אַ מנגן, לייבל נאָז, אוןביידע צוזאַמען גייען זיי אַרום אויף חתונות און בריתן, דערנאָך הויבן זיי אָן זינגען אין די וויינקעלערס. פון דאָרט פאָרט א. צוריק קיין קעשעניעוו און טרעט אַריין אין ציפּקוסעס וואַנדער־טרופּע, שפּילנדיק צוערשט „האָצמאַך“ אין „קאָלדוניאַ“, באַלד דערנאָך „אבשלום“ אין „שולמית“. שפּעטער שפּילט א. שוין אַלס כאַראַקטער־ראָליסט, 2 יאָר ביי שאַראַוו-

נער, 2 יאָר ביי סאַבסיי, צו איינצלנע סעזאָנען ביי זילבערט אין רומעניע, מיט גבריאל פינקעלשטיין איבער רומעניע, און מיט אַקסעלראָדן אין עסטרייך, ווידער אין רומעניע, אייניקע חדשים מיט יעקב גליקמאַן אין עסטרייך, פון 1900 מיט סאַבסיי אין רוסלאַנד. אין 1902 איז א. געוואָרן אַ פאָלקס־זינגער אין בעסאַראַביע, וואו ער טרעט ביז איצט אויף א״נ „לייבעלע זינגער״.

מ. ע.

אייכעל, יצחק

[געב. 1756 — געשט. 18 יוני 1804]

געב 1756 [ניט ווי ס׳ווערט על פי טעות אָנגעגעבן אין רייזענס „לעקסיקאָן״ 1875, אָדער ביי שטיף 1758] אין קאָפּענהאַגן, דענמאַרק. [ניט אין קעניגסבערג, אין וואָס ס׳זיינען מסופק די צוויי אויבנדערמאָנטע ביאָגראַפן]. זיין עלטער־זיידע האָט געהייסן יחיאל לעווין, פון „יחיאל״ איז געוואָרן „איכל״, פון „איכל״ — דער פאַמיליע־נאָמען אייכעל. זייער יונג קומט א. קיין קעניגסבערג, וואו ער שטודירט שפּעטער אין אָרטיקן אוניווערזיטעט, און ווערט דער דערציער פון סוחר און באַנקיר יאָאַכים משה פרידלענדערס אייניקלעך. א. באַקענט זיך אויך דאָ מיט משה מענדעלסאָן, און ווערט שפּעטער זיין ערשטער ביאָגראַף.

א.׳ס ערשטער גרויסער געזעלשאַפטלעכער אויפטו איז געווען צו גרינדן אין קעניגסבערג, מיט דער אונטערשטיצונג פון די פרידלענדערס און מיט דער הילף פון בערלינער און ברעסלויער פריינט, די „חברת דורשי לשון עבר״, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „חברת שוחרי הטוב והתושיה בקיניגסברג ובערלין״.

די אויבנדערמאָנטע ערשטע געזעלשאַפט גרינדעט אין 1778 אין בערלין אַ מאָדערנע יידישע שול („פריישול״), און אין 1782 פּובליקירט א. אַ העברעאישן אויפרוף צו די קעניגסבערגער יידן וועגן דער גרינדונג פון אַזאַ שול אין קעניגסבערג, אָבער צוליב דער עקשנותדיקער שטעלונג פון די אָרטאָדאָקסן, ווערט דער פּלאַן ניט רעאַליזירט.

אין די יאָרן 1784-8 גיט די ערשטע חברה אַרויס אין קעניגסבערג דעם „המאסף״, אַן אָרגאַן פאַר דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך. דער „המאסף״ ווערט רעדאַקטירט דורך א., וועלכער פאַרעפנטלעכט אויך דאָרט בריוו פון זיין רייזע קיין קאָפּענהאַגן, וואָס ער האָט אונטערגענומען דעם 6טן מאַי, 1784. אין 1786 קומט א. צוריק אין קעניגסבערג, גיט דאָ אַרויס זיין איבערזעצונג פון „סידור״ אויף דייטש, וואָס ווערט דאָס זעלבע יאָר פּובליקירט דורך דוד פרידלענדער אין בערלין מיט העברעאישער שריפט.

1788 באַזעצט זיך א. אין בערלין, און טראָגט דאָרט אַריבער דעם „המאסף״ פון וועלכן ער ציט זיך צוריק אין 1790, אָבער דרוקט נאָך דאָרט ווייטער זיינע מאמרים.

א. איז זיך מפרנס דערפון וואָס ער איז פאַרוואַלטער אין דער דירעקציי ביי דער שול „חנוך נערים״, שפּעטער ווערט ער בוכהאַלטער אין געשעפט פון מאיר וואַרבורג.

אין 1879 דערשיינט אין בערלין זיין מענדעלסאָן־ביאָגראַפיע — „תולדות הרמב״מן״ (איבערגעדרוקט ווין, 1814).

אין תקמ״ט דערשיינט זיין תרגום און ביאור אויף משלי, און ער איז אויך דער אַרויסגעבער פון ערשטן טייל „מורה נבוכים״ מיט שלמה מיימונס קאָמענטאַר „גבעת המורה״.

צווישן די פאַרשיידענע ווערק זיינע, וואָס זיינען געבליבן אין

כתב־יד געפינט זיך אויך אַ פולשטענדיקע העברעאישע איבערזעצונג פון מענדעלסאָנס „ירושלים״.

1791-2 גרינדעט א. צוזאַמען מיט משה מענדעלסאָנס עלטסטן זון, יוסף, אהרן האַלע וואָלפזאָן (דער מחבר פון דער קאָמעדיע אויף יידיש „לייכטזין און פרעמעליי״) א. א. די „געזעלשאַפט דער פריינדע״, וועלכע דאַרף שטיצן מאַטעריעל די משכילישע יוגנט. א. ווידמעט זיך זייער שטאַרק דער געזעלשאַפט, און אין 1792 איז ער אַן אויסערגעוויינלעכער בייזיצער אין דער פאַרוואַלטונג, 1795 — סעקרעטאַר און פון 1797-1801 — פּאָרזיצער.

א. האָט אָנגעשריבן די ערשטע קאָמעדיע אויף יידיש [אין כתב־יד פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ברעסלוי, סיגנאַטור 46], וועלכע ער מיטולירט: „ר׳ הענאָך אָדער וואָס טוט מען דערמיט״, איין פאַמיליען געמעלדע אין דרייא אויפציגן.״

די קאָמעדיע איז באמת געשריבן אין 2 שפּראַכן: יידיש און דייטש. ס׳איז [לויט מאַקס עריק] אַן אויסגעשפּראָכן נאַטוראַליסטישע קאָמעדיע, וואָס שטרעבט גענוי צו קאָפּירן דעם הילוך, מאַניערן, שפּראַך און סטיל פון יעדן העלד, און היות ווי די העלדן צעפאַלן זיך אין צוויי לאַגערן: די אויפגעקלערטע און די אָרטאָדאָקסן, ריידן זיי צוויי לשונות. דער נייער דור רעדט ריין דייטש, און דער עלטערער דאָס ריינסטע, פאָלקסטימלעכע יידיש. די קריסטלעכע דייטשן, וועלכע פיגורירן אין דער קאָמעדיע ריידן אויך ריין דייטש, און דער ענגלענדער און פראַנצויז, וואָס פיגורירן אויך אין דער קאָמעדיע, ריידן האַלב דייטש און האַלב ענגליש־פראַנצויזיש.

די טענדענץ פון דער קאָמעדיע איז אָנצוווייזן דעם שאָדן פון צביעות, און נאָך מער אונטערצושטרייכן דעם קאַמף פאַר דער רעפאָרם פון דער יידן־אָרדנונג אין פּרייסן.

ניט האָבנדיק באַקענט זיך מיטן אינהאַלט פון דער קאָמעדיע האָבן אַ גאַנצע ריי ליטעראַטור־היסטאָריקער [געשטיצט אויפן דייטש־יידישן היסטאָריקער יאָסט], ווי צינבערג, דר. מ. פינעס, זלמן רייזען, אָנגעגעבן, אַז א. האָט מיט דער קאָמעדיע אַרויסגעוויזן אַ פאַראַכטנדיקע באַציאונג צו יידיש.

דער כתב־יד אויף יידיש האַלט 31 בלאַט (62 זייטן) באַשריבענע און 9 זייטן ניט באַשריבענע. צוליב די פיל גרייזן אין די העברעאישע ווערטער איז קלאָר, אַז דאָס איז אַ קאָפּיע, געשריבן ניט פון מחבר גופא.

קיין גענויע דאַטע ווען די קאָמעדיע איז פאַרפאַסט געוואָרן איז ניט באַוואוסט. שטיינשניידער גיט אָן, אַז ער האָט געזען אַן עקזעמפּליאַר [ניט קלאָר אויב געדרוקט אָדער אַ כתב־יד] דאַטירט 1797. פון געוויסע געשעענישן, וועלכע ווערן דערמאָנט אין דער האַנדלונג, איז צו דרינגען, אַז די קאָמעדיע איז פאַרפאַסט געוואָרן בערך 1793-4, און איז אויף אַזאַ אופן די ערשטע קאָמעדיע אויף יידיש. די קאָמעדיע איז ניט געשריבן אַלס בינע־שטיק, נאָר צום לייענען.

אַ געדרוקטע אויסגאַבע פון דער קאָמעדיע א. נ. „רב חנוך דער בעטראָגענע ביגאָט״ אָדער „דער ענטלאַרפטע שיינהייליגע״ — אויף דייטש, און העברעאישע אויסדרוקן און זאַצן אויף העברעאיש מיט העברעאישער שריפט, איז אין 1846 אַרויסגעגעבן געוואָרן פון מ. אַלענשטיין אין בערלין (אַ עקז. פון דער אויסגאַבע געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון נח פרילוצקי אין וואַרשע, און פון דאָזיקן עקזעמפּליאַר גרייט איצט צו זלמן רייזען אַרויסצוגעבן די קאָמעדיע אויף יידיש). דאָס בוך האַלט 56 זייטן אָקטאַוו־פאָרמאַט.

איןביידע טעקסטן זיינען פאַראַן גרויסע ענדערונגען, קענטיק געמאַכט דורכן מחבר גופא, וואָס באַווייזן, אַז די דייטשע אויסגאַבע איז אַ שפּעטערדיקע פון יידישן כתב־יד.

דעם 18 יוני 1804 איז א. געשטאָרבן אין בערלין. אין זיין צוואה, דאַטירט 28 אַפּריל 1804 בעט ער זיין פרוי צו געדענקען, אַז זי דאַרף לעבן פאַר איר קינד [א. האָט איבערגעלאָזט אַן איינציקן זון, אברהם, גערופן נאָכן זיידן. ז. רייזען רופט אייכעלן על פּי טעות אין זיין „לעקסיקאָן" יצחק-אברהם]. צווישן די פּאַפּירן פון דער צוואה איז אויך אויפגעהיט אַ לאָק פון א.׳ס האָר.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, ז. 79, 909.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I, ז. 72.

נ. שטיף — ליטעראַטור-היסטאָרישע לעגענדעס, „די רויטע וועלט", כאַרקאָוו, 10, 8-7, 1926.

דר. יעקב שאַצקי — נייע אַרבעטן צו דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור, „פּנקס", ניו-יאָרק, 2-1, 1927, זז. 6-175.

מאַקס עריק — די ערשטע יידישע קאָמעדיע, „שריפטן פון יידיש וויסנ-שאַפטלעכן אינסטיטוט", פילאָלאָגישע שריפטן, ווילנע, 1929, דריטער באַנד, זז. 584-555.

איינהאָרן, אהרן

געב. 30 סעפּט. 1884 אין קיידאַן, קאָוונער גוב., ליטע. אין אַ פאַמיליע, וואָס פירט איר יחוס פון רבנים און גאונים. אַ שוועסטער-קינד פון דיכטער דוד איינהאָרן. ביז 17 יאָר געלערנט תלמוד, דערנאָך אַן עקסטערן, שפּעטער אַוועק קיין פּאַריז, וואו ער ענדיקט אַ מיטל-שול, און אין 1911 — די אָפּטייַלונג פאַר פראַנצויזישער ליטעראַטור אין היס-טאָריש-פילאָלאָגישן פאַקולטעט פון דער סאָר-באָנע. זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן זייט 1905. זייט 1912 — אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „היינט" אין וואַרשע, וואו ער פאַרעפנטלעכט א״פ „איינער" אַרטיקלען און קריטיק וועגן יידישן טעאַטער. איבערזעצט מאָליערס קאָמעדיע „דער קאַרגער" (פאַרלאַג „די צייט", וואַרשע, 1921), וואָס איז צו דער זעלבער צייט אויפגעפירט געוואָרן אין צענטראַל-טעאַטער דורך זיגמונט טורקאָוו.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, ז. 80.

איינהאָרן, באַשע

[געב. 1878 — געשט. יולי 1918]

געב. 1878 אין ווילנע, פּויליש-ליטע. פאָטער — אַ שניידער. געווען אַן אַנאַלפאַבעט. צוליב איר שיינער סאָפּראַן-שטים אַריינגע-טראָטן אין עלטער פון 16 יאָר אַלס כאָריסטקע צו פישזאָנען אין ווילנע, און אויך געשפּילט עפּיזאָדן-ראָלן, דערנאָך געשפּילט ביי פישזאָן-ספּיוואַקאָווסקי, וואו זי טרעט שוין אויף אין קאָמיש-אַל-טע ראָלן. 1903 חתונה געהאַט מיטן אַקטיאָר פּייווישאָוו, און זייט דאַמאָלט געשפּילט א״נ בערטאַ פּייווישאָוו.

יולי 1918 איז א. געשטאָרבן פון אַ צוקער-קראַנקהייט אין מינסק.

ש. ע. פון לעאָן דושמאַן.

איינהאָרן, דוד

געב. 1886 אין קאַרעליץ, ווייס-רוסלאַנד. פאָטער — אַ געוועזע-נער מיליטער-דאָקטאָר, וועלכער איז געוואָרן אַ פרומער נאָכן שמד פון זיינעם אַ ברודער. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג. אָנגעהויבן שרייבן צו 13 יאָר, זייט 1904 געוואָרן באַקאַנט אַלס דיכטער, פאַרעפנטלעכט אין דער ווילנער „יידישע וועלט", 5, 1924 זיין דראַמאַטישע פּאָעמע „צביה", אַ שפּיל אין דריי אויפטריטן.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 6-81.

איינהאָרן, ליזאַ

געב. 5 דעצ. 1865 אין יאַסי, רומעניע. על-טערן — באַזיצער פון אַ רעסטאָראַן אין דער שכנות פון יידישן טעאַטער פּאַמול ווערדע. שוין אַלס קינד זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שיינער שטים, און די עלטערן גיבן זי אַריין אין קאָנסערוואַטאָריע.

זוכנדיק פרויען-כחות גענינגט גאָלדפאַדע-נען אַריינצוציען א. אין זיין טרופּע, און מיט איר אין דער הויפּטראָל פירט ער אויף צום ערשטן מאָל אין 1880 זיין אָפּערעטע „שולמית". נאָכן שפּילן אַ האַלב יאָר אין קעשעניעוו, האָט א. חתונה מיטן כאָרמייסטער הערשל גאָלדענבערג, און באַזעצט זיך צוריק אין יאַסי, 2 יאָר שפּעטער טרעט א. צוריק אַריין מיט איר מאַן אין גאָלדפאַדענס טרופּע און פאָרט אַרום איבער רוסלאַנד, שפּילנדיק די פרימאַדאָנע-ראָלן אין גאָלדפאַדענס רעפּערטואַר, דער-נאָך שפּילט זי אין גאַליציע אונטער וואָלפגעשאַפּענס קאָנצעסיע.

צוריקגעקומען אין בוקאַרעסט טרעט א. אַרויס אויף אַ קאָנ-צערט, דאָרט הערט זי דער דירעקטאָר פון קעניגליכן נאַציאָנאַל-טעאַ-טער, ניקו פּאָיענאַרו, און ער אַנגאַזשירט זי פאַר דער רומענישער אָפּערעטע און אָפּערע, וואו זי טרעט אַרויס א״נ עליסאַ אַדעסאַנאַ אין די הויפּטראָלן פון די באַרימטסטע אָפּערעטן און אָפּערעס, שטו-דירנדיק גלייכצייטיק מוזיק ביי אַ פּראָפעסאָר.

אין 1900 האָט „פּראָפ." הורוויץ, וועלכער איז געווען א.׳ס פּאַטערס אַ פּערזענלעכער פריינט, פאַרבעטן א. קיין אַמעריקע אין זיין טאַליאַ-טעאַטער. צוליב אַ סכסוך גיט מען איר אָבער דאָ ניט די מעג-לעכקייט צו שפּילן, און זי טרעט דעריבער אַריין אין דער פּראָווינץ-טרופּע פון אייזיק אַבראַמסאָן, מיט וועלכן זי האָט אַ קורצע צייט שפּעטער חתונה, און זייט דאַמאָלט שפּילט זי נאָר אין די טרופּעס מיט וועלכע ער פאַרוואַלטעט.

א. איז געווען איינע פון די ערשטע יידישע אַקטריסעס, וועלכע האָט געזונגען פאַרן גראַמאָפאָן די פּאָפּולערסטע לידער און ראָ-מאַנסן פון דער יידישער בינע.

שוין מערערע יאָרן ווי א. האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער בי-נע, און באַטייליקט זיך נאָר פון צייט צו צייט אין יום-טוב-פאָרשטע-לונגען.

ש. ע. פון אייוואַן אַבראַמסאָן.

מ. ע. פון יצחק ליבערסקאָ און איציקל גאָלדענבערג

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I. ז. 210, II. ז. 142.

נ. אויסלענדער — או. פינקעל — „א. גאָלדפאַדן", מינסק, 1926, ז. 49.

איינעס, אברהם

געב. 1892 אין גראַבאָוויץ, לובלינער גוב., פּוילן, ביי חסידישע עלטערן, געלערנט אין חדר און שפּעטער אין ישיבה, געזונגען ביי אַ חזן, און פון אים אַוועק צום טעאַטער. דאָס ערשטע מאָל אויפגעטראָטן אין 1907 אַלס „אברהם" אין לאַטיינערס „בינקע און פּינ-קע", אין 1914 אַריינגעטראָטן אין פישזאָנס טרופּע, אין 1918 געווען דירעקטאָר און רע-זשיסער פון 2טן (יידישן) שטאַט-טעאַטער אין ריגע, אין 1920 געשפּילט אויף רוסיש אין „מירעלע אפרת" און „פּאָטאַש און פּערלמוטער", זייט דאַמאָלט

זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע יידישע טרופּעס אין לעטלאַנד, 1928־9 אין קוטנערס „מוזיקאַלישע קאָמעדיע“. א. האָט אויך אָנטייל גענומען אין ערשטן לעטישן פילם.

1929-30 — אין ריגער „נייער יידישער טעאַטער“.

ש. ע.

איצקאָוויטש, שבתי

געב. 1892 אין זגערזש, פּוילן. עלטערן — קליינע פאַבריקאַנטן. געלערנט אין חדרים און דערנאָך אין בעלכאַטאָווער ישיבה. צו 15 יאָר אָפּגעשיקט געוואָרן צו זיין זיידן קיין אָזאָרקאָוו, און דאָרט צום ערשטן מאָל געזען אין 1908 שפּילן אַ יידישע טרופּע (סיעראַצקי און זיין פרוי, שימאַנסקי, בליפעלד א. א.) און געוואָרן דערפון אַזוי באַגייסטערט, אַז ער באַשליסט צו ווערן אַן אַקטיאָר. באַלד דערויף טרעט א. אַריין אין דער דראַמאַטישער סעקציע ביים אָרטיקן „הזמיר“, און דעם 15 יולי 1909 באַטייליקט ער זיך אין דער אויפפירונג פון „מכירת און גדולת יוסף“. ווען די פאַמיליע דערוויסט זיך דערפון, טרייבט זי אים אַרויס. ער לאָזט זיך קיין לאָדזש, וואו אַ טעאַטער-אונטערנעמער, פּשיגאַדאַ, אָרגאַניזירט אַ טרופּע פון אָנהייבער. א. פאָרט מיט זיי קיין ביאַלאַ, וואו זיי שפּילן אין אַ שטאַל. אין 1910 פאָרט א. אַרום מיטן דירעקטאָר לעשטשינסקי איבער קליינע שטעט פון פּוילן, דאַן האָט ער חתונה מיט דער אַקטריסע יאַקובאָוויטש און 1910-11 ווערן ביידע אַנגאַזשירט צו שאַראַוונער אין ווילנע, 1912 — אין מינסק ביי בערנשטיין, 1913-14, ביז צום מלחמה-אויסבראָך איז א. דירעקטאָר פון אַ טרופּע אין ראַדאָם, פּוילן. 1918-9 שפּילט א. מיט אַ טרופּע אין גאַליציע, 1920 ביי בערל האַרט אין גאַליציע, 1921 — ביי יוליוס אַדלער און סיעראַצקי אין לאָדזש, 1922-1923 אין טאַרנאָפּאָל און אייניקע פאָרשטעלונגען אין לעמבערג. אין 1923 פאָרט א. אָפּ קיין אַמעריקע, וואו ער שפּילט אין פאַרשיידענע טרופּעס און האָט זיך אויך באַטייליקט אין לאָס-אַנדזשעלאָס אין דער וואָרנער בראָדער-סטודיע.

ש. ע.

איריס, סאָניאַ

[פעלדמאַן]

געב. 1892 אין אָדעס, אוקראַינע. עלטערן — פרומע, פאַרמעגלעכע. געלערנט אין גימנאַזיע און אָפט באַזוכט דאָס רוסישע דראַמאַטישע טעאַטער. אין 1910 צום ערשטן מאָל געזען אַ יידישע פאָרשטעלונג: פישזאָנס טרופּע אין טעאַטער באַלגאַראָוואַ, באַקענט זיך מיטן אַקטיאָר איריס, שפּעטער חתונה געהאַט מיט אים. אין 1921 ווען זיי קומען קיין רומעניע אין מישע פישזאָנס „מוסטער-טעאַטער“ און עס פעלט אויס אַ ראָליסטקע פאַר „פרומע“ אין „יענקל דער שמיד“, באַקומט זי, קעגן איר מאַנס ווילן, די ראָל. פון דאַמאָלט אָן שפּילט זי אין די טרופּעס פון מישע פישזאָן, מאָריס זיגלער און אין 1928־9 אין ווין.

ש. ע.

איריס, שמואל

געב. 10 סעפּט. 1889 אין קעשעניעוו, בעסאַראַביע, ביי אָרימע עלטערן, בעלי-מלאכות, געלערנט אין חדר, פאָלקס-שול, ישיבה, אָבער ניט געהאַט קיין חשק צום לערנען, נאָר נאָכגעלאָפן די גאַסן-אַקראָבאַטן און קאַטערינשטשיקעס, וועלכע ער פלעגט מיט פרייד צוהעלפן עפּעס טאָן. דער פאָטער גיט אים אַוועק אין אַ געשעפט אַלס אָנגעשטעלטער, אָבער א. שליסט נאָנטע באַקאַנטשאַפט מיטן פאָקוסניק מאַלינאָווסקי, ביי וועלכן ער לערנט זיך אויס די מלאכה און ער הויבט אָן איינצואָרדנען אין קאַמער פון זייער וואוינונג „פאָרשטעלונגען“, אויף וועלכע ער דעמאָנסטרירט פאָקוסן און זיינער אַ חבר זינגט און ”מאַכט זיך משוגע“, און ווען דער פאָטער שטערט אים, אַנטלויפט ער מיט מאַלינאָווכקין און לאָזט זיך וואַנדערן איבער די ירידים, אַרויסטרעטנדיק דאָרט אַלס פאָקוסניק.

אין 1903 האָט א. געזען צום ערשטן מאָל טעאַטער: די טרופּע פעלדמאַן-בראַנשטיין, באַלד נאָכקאָפּירט די אַקטיאָרן, אַריינגעטראָטן אין אַ ליבהאָבער-קרייז און אין 1905 צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן ביי זיי אַלס „האָצמאַך“ אין „קאָלדוניאַ“, אין 1907 געווען אַ סטאַטיסט אין דער טרופּע סטרעלסקאַ, שפּעטער אַרומגעפאָרן מיט טראַכטענבערגס קליינער וואַנדער-טרופּע, אין וועלכער עס קומט אים אויס אין איין אָוונט צו שפּילן „האָצמאַך“ און „די באָבע יאַכנע“. צוריקגעקומען אין קעשעניעוו פירט ער אָן מיט די „ליבהאָבער“.

סוף 1908 טרעט ער אַריין אין פישזאָנס טרופּע מיט וועלכער ער פאָרט אַרום ביז 1915, דאַן אויפגעטראָטן אַלס רוסישער קופּלעטיסט אין אַ רוסיש מיניאַטור-טעאַטער, זומער 1916 געשפּילט מיט ראַפּעלן און זאַסלאַווסקין, אין מאַי מאָביליזירט געוואָרן, אַוועק אויפן פראָנט און דעזערטירט קיין כאַרבין, וואו ער שפּילט צוזאַמען מיט לעבעדיעוו, אַרקאָ, קושטשינסקי א. א. און שפּעטער מיט אברהם פישזאָן און פרוי, באַטייליקט זיך גלייכצייטיק אין רוסישע פאָרשטעלונגען פון אַ דאָרטיקער רוסישער טרופּע. 1918 געשפּילט אין אָדעס מיט אַלבערט סעגאַלעסקאָ אין אַלטן טיף טעאַטער, 1919 געווען אַ מיטגרינדער מיט בערטאָנאָוון פון ערשטן יידישן מלוכה-טעאַטער אין אָדעס, וואו ער איז אַ מיטגליד אין רעזשי-קאָלעגיום, 1921 אָנגעהויבן שפּילן אין רומעניע אין מישע פישזאָנס „מוסטער-טעאַטער“, דערנאָך מיט אַ וואַנדער-טרופּע איבער רומעניע און בעסאַראַביע, 1925 אַוועק קיין אַמעריקע, און געשפּילט אַ קורצע צייט אין דעטראָיט, נאָך 10 חדשים אָן אַן אַנגאַזשמענט פאַרלאָזט ער אַמעריקע, פאָרט צוריק קיין רומעניע, וואו ער שפּילט 2 יאָר אין דער „ווילנער טרופּע“, דאַן אין דער זיגלער-טרופּע אין 1928-9 אין ווין, און זייט זומער 1929 אין אַרגענטינע און בראַזיל.

א. האָט איבערזעצט „טרילבי“, יעווריאינאָווס „הויפטזאַך“, וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן; הויפטמאַנס „פאַרזונקענער גלאָק“, און פון רוסיש דראַמאַטיזירט דיקענסעס „דער גריל אונטערן אויוון“.

אַלגין, מ. י., דר.

[משה יוסף נאָוואָמיסקי]

געב. 24 מערץ 1878 אין אַ דאָרף פון קיעווער גוב. אומאַנער קרייז, אוקראַאינע. פאָטער — אַ פאַרוואַלטער אין וועלדער, פריער אין קיעווער גוב, דערנאָך אין וואָלין, אַ ייד אַ למדן, אָבער געכאַפּט אין השכלה, האָט דערצויגן זיין זון אויף תנ״ך און גמרא, אים אָבער אויך ניט געשטערט צו לערנען רוסיש און געגעבן אַ צוטריט צו העברעאישע השכלה-ספרים און אפילו צו דער יידישער ליטעראַטור.

אין עלטער פון 15 יאָר האָט אָ. פאַרלאָזט זיין היים און אייניקע יאָר געקנעלט אין דערפער ביי ישובניקעס, שפּעטער זיך באַזעצט אין ראָגאַטשעוו, וואָלינער גוב., וואו ער האָט געגעבן שטונדן. אין 1900 אָנגעקומען אין יורידישן פאַקולטעט פון קיעווער אוניווערסיטעט, אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער סטודענטישער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. יאַנואַר 1901 צוזאַמען מיט נאָך אייניקע הונדערט סטודענטן אָפּגעגעבן געוואָרן אַלס סאָלדאַט פאַר באַטייליקן זיך אין סטודענטישע אומרוען, פאַרעפנטלעכט דאַמאָלט זיין ערשטן פעדער-פּרוב — אַ פּראָקלאַמאַציע אין רוסיש צו די סטודענטן. נאָכן אַמנעסטירן, געווען ווייטער פאַרבונדן מיט דער סטודענטישער באַוועגונג און גלייכצייטיק מיט דער יידישער רעוואָלוציאָנערער סטודענטן-גרופּע פון וועלכער ס'איז אַנטשטאַנען דער „בונד“. זייט 1903 פאַרבונדן נאָר מיט דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, אַפּריל 1903 געוואָרן אַרעסטירט צוליב הכנות פון אַ יידישער זעלבסטשוץ, ווערט אַן אַקטיווער טוער אין „בונד“ אַלס אַגיטאַטאָר און שרייבער. סוף 1906 פאַרלאָזט רוסלאַנד צוליבן שוואַכן געזונט-צושטאַנד, שטודירט 1907 אין היידעלבערג סאָציאַלע וויסנשאַפטן און פילאָסאָפיע, און געוואָרן קאָרעספּאָנדענט פון ניו-יאָרקער „פאָרווערטס“. 1909 אַרויסגעטראָטן אין רוסלאַנד אַלס אַגיטאַטאָר און אַרויסגעגעבן אייניקע ווערק. אָנהויב 1913 זיך באַזעצט אין ווין. ניט קאָנענדיק זיך אומקערן צוליב דער מלחמה קיין רוסלאַנד, פאָרט א. קיין אַמעריקע, וואו ער טרעט אַריין אין רעדאַקציע „פאָרווערטס“. 1918 באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר אין קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט מיטן רעכט צו פאַרנעמען אַ פּראָפעסאָר-קאַטעדרע אין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן. 1920 באַזוכט דייטשלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד, און ווען ער קומט צוריק קיין אַמעריקע, איז אָ. משפּיע, אַז די יידישע סאָציאַליסטישע פראַקציע זאָל פאַרלאָזן די רעכטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע, און ווען די פראַקציע פאַראייניקט זיך מיט די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן, בילדנדיק די „וואָירקערס פּאַרטיי“, ווערט אָ. איינער פון די פירער פון איר יידישן טייל און מיט-רעדאַקטאָר, אַ געוויסע צייט אויך איינציקער רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער יידישער קאָמוניסטישער צייטונג „די פרייהייט“ (זייט מערץ 1928 ווידער רעדאַקטאָר) און רעדאַקטאָר פון קאָמוניסטישן חדש-זשורנאַל „דער האַמער“.

אָ. האָט איבערזעצט יושקעוויטשעס פּיעסע „דער קעניג“ (פאַרלאַג „די וועלט“, וואַרשע), אַנדרעיעווס „קעניג-הונגער“ (אַ פאָרשטעלונג אין פינף בילדער מיט אַ פּראָלאָג, פ״ג מייזעל עט קאָ. ניו-יאָרק, 1910) און טאָלסטאָיס „לעבעדיקער מת“ (געדרוקט אין „פאָרווערטס“), האָט געשריבן זייער פיל אַרטיקלען און קריטיק וועגן יידישן טעאַטער אין „פאָרווערטס“, „די נייע וועלט“ און אין „פרייהייט“.

1927 איז אין יידישן קונסט-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן זיין דראַמע „איר פאַרברעכן“.

אָ. האָט אָנגעשריבן אַ גראָטעסק „7 יאָטן אין גן-עדן“ (געדרוקט אין דער קראָפּיווע-אָפּטיילונג פון „פרייהייט“ סוף 1928), און אַ סצענאַריום פאַר אַ באַלעט לויט שלום-עליכםס „ל״ג בעומר“.

מ. ע.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, I, זז. 7-92.

„אָלגין-נומער“, „דער האַמער“, נ. י. 9, 1927.

אַלטמאַן, באָרים

[געב.... — געשט....]

געב. אין אָדעס [?], איז דאָרט געווען אַ זינגער אין די וויינקעלערס צוזאַמען מיט מענדל אַבראַמאָוויטש, יעקב קאַצמאַן, אהרן טאַגער און שראַגע, און ווען ישראל ראָזענבערג מיט ספּיוואַקאָווסקין הויבן אָן שפּילן אין אָדעס, טרעט ער אַריין צו זיי, שפּעטער גייט ער איבער אין גאָלדפאַדענס טרופּע אין אָדעס.

א. פלעגט אויך גערופן ווערן „באָד-גוי“, מחמת ער איז געווען זייער אַ דיקער, און האָט ניט געהאַט קיין יידיש אויסזען.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, I, זז. 9-7-205.

יעקב פ. אַדלער — זיין לעבענס בעשרייבונג, „דער טעאַטער-זשורנאַל“, ניו-יאָרק, 3, 2-1901.

אַלטמאַן, מאָריס

געשריבן לידער אין די יאָרן 10-1908 פאַר פאַרשיידענע אָפּערעטן, וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרן, דערנאָך זיך צוריקגעצויגן פון טעאַטער, און געוואָרן אַ לעבנס-פאַרזיכערונגס-אַגענט אין דעטראָיט.

מ. ע. פון שלום פּערלמוטער.

אַלטמאַן, נאַטאַן

געב. 1889 אין וויניצע, פּאָדאָל. גוב., אוקראַאינע. אין 1901 אַריינגעטראָטן אין דער „אָדעסער קינסטלערישער שול“, אין 1907 צוריקגעקערט קיין וויניצע, און דאָרט געאַרבעט אַ צייט אָפּגעזונדערט פאַר זיך. 1910 געפאָרן קיין פּאַריז און זיך דאָרט באַקענט מיט די נייע קונסט-ריכטונגען.

1912 זיך באַזעצט אין פּעטערבורג און אונטער דער השפּעה פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע אַרבעט אַ. ביי פּלאַקאַטן, עמבלעמען, מאַקעטס, הילעס, באַצירט פּלעצער און דענקמאָלן.

1921 אַריבער קיין מאָסקווע און דאָרט געמאָלן דעקאָראַציעס פאַר מאַיאַקאָווסקיס „מיסטעריע בוף“ (פאַרן 3טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן) „הדבוק“ אין „הבימה“, „אוריאל אַקאָסטאַ“ פון גוצקאָוו, „דאָס צענטע געבאָט“ פון גאָלדפאַדען, „חבר שינדל“ פון וויעוויאָרקאַ און „טרואַדעק“ פון ראָמען (פאַרן מי״מט) ווי אויך די דעקאָראַציעס פאַרן קינאָ-בילד „יידישע גליקן“ (מנחם-מענדל פון שלום עליכם).

1922 און 1929 דורכגעפירט אויסשטעלונגען פון זיינע אַרבעטן.

א. האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ווערק וועגן יידישער גראַפיק.

ש. ע.

ב. א. — נאַטאַן אַלטמאַן, „די רויטע וועלט“, 15 אָקט., 1925.

אַלמאַן, שמואל

געבוירן 9 אויגוסט 1877 אין סאָוואָליווקע, פּאָדאָלער גוב., אוקראַאינע, פּאָטער — אַ חסיד, די מוטער — דעם רבס טאָכטער, פלעגט שרייבן שירים אויף יידיש, וואָס זיינען גע־וועזן באַקענט אין שטעטל, אָבער זיינען ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

געלערנט אין חדר, געזונגען ביי חזנים אַלס „אַלט", צו 13 יאָר געקענט נאָטן, און אָנגעהויבן שרייבן סינאַגאָגאַלע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע דער אָרטיקער חזן זינגט. ביז 18 יאָר געלערנט אין בית־המדרש, דערנאָך געפאָרן קיין אָדעס, און אַריינגעטראָטן אין קאָנסערוואַטאָריום. בעתן מיליטער־דינסט גע־דינט 4 יאָר אַלס מיליטערישער קאַפּעלמייסטער, צוריקגעקומען — אַריינגעטראָטן אין קעשעניעווער קאָנסערוואַטאָריום, און געענדיקט קאָמפּאָזיציע.

בעתן פּאָגראָם אין 1903 אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן, און דאָרט ווייטער שטודירט אין ראָיאַל קאַלעדזש. געשטרעבט צו ווערן דיריגענט אין יידישן טעאַטער, אָבער אַזוי ווי ער האָט דאָס ניט געקאָנט דערגרייכן, איז ער געוואָרן דאָרט כאָריסט, און דער ערשטער אָנגעהויבן איינשטודירן די לידער מיטן כאָר. געאַרבעט 5 יאָר מיט פיינמאַנען אַלס כאָר־מייסטער.

בעת עס גרינדעט זיך אין פּאַוויליאָן טעאַטער דאָס יידישע דראַ־מאַטישע און אָפּערן־טעאַטער, (גערופן „קונסט טעמפּל"), ווערט דעם 16טן מערץ 1912 אויפגעפירט, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, א.'ס אָריגינעלע אָפּערע אויף יידיש „מלך אחז" (ליברעטאָ גענומען פון אברהם מאפּוס ראָמאַן „אשמת שומרון"). די אָפּערע איז געשפּילט געוואָרן 23 מאָל און זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דער ענגלישער פּרעסע.

א. האָט איבערזעצט די אָפּערעס „ריגאָלעטאָ" פון ווערדי און „קאַוואַלערא רוסטיקאַנא" פון לעאָנקאַוואַלאַ, וועלכע זיינען פון דער זעלבער טרופּע אויפגעפירט געוואָרן אין פאָלקס־טעאַטער, און די אָפּערעס „פויסט" פון גונאָ און „באַרבער פון סיוויל" פון ראָזיני, וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אין אַנדערע טעאַטערס.

נאָכן צעפאַלן זיך פון דער טרופּע, האָט א. פאַרלאָזט די יידישע בינע און געוואָרן דיריגענט פון די כאָרן אין די גרויסע שולן פון לאָנדאָן.

א. האָט אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון 57 קאָמפּאָזיציעס א"ט „שירי בית הכנסת" מאת שמואל אלמן, חלק ראשון, לשבת ולימי חול. הוצאת „יובל", תל־אביב—ברלין, התרפ"ה."

א. שרייבט אויך קאָמפּאָזיציעס צו פּאָעמעס פון יידישע דיכטער.

מ. ע.

אלמי, א.

[אליהו חיים שעפּס]

געב. 2 יאַנ. 1892 אין וואַרשע, פּוילן, אין אַ פאַמיליע פון אָרימע בעלי־מלאכות. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר, שפּעטער אויטאָ־דידאַקט, אין 1907 דעביוטירט אין „ראָמאַן־צייטונג" מיט לידער, אַרומגעוואַנדערט איבער דייטשלאַנד, עסטרייך, האָלאַנד און בעל־גיע און פאַרעפנטלעכט זייער פיל אַרטיק־לען, לידער און עסייען אין דער פּעריאָדי־שער פּרעסע. סוף 1912 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער ווערט אַ מיטאַר־בעטער אין דער דאָרטיקער פּעריאָדישער יידישער פּרעסע, פאַר־עפנטלעכט איינציקע ביכער. אין זיין בוך „וועלט און מענטש" (עסייען, 1928) באַמיט ער זיך אין עסיי „טעאַטער" צו באַווייזן, אַז טעאַטער איז אַן אָפּגעלעבטע קונסט, און איז קיינמאָל ניט קיין זעלבסטשטענדיקע קונסט.

אין זיין בוך „הומאָריסטישע שריפטן" (וואַרשע, 1928, ב. 1) פאַרעפנטלעכט איינציקע פּאַראָדיעס אויף דראַמאַטישע ווערק.

א. האָט אויך פאַרעפנטלעכט „אונטער פאָנען", אַ דיאַלאָג („פאַר די ליכט", וואַרשע 1927), און „אויף די חורבות", דראַמאַטישע פּאָע־מע, („אילוסטרירטע וואָך", וואַרשע, 1926).

א. האָט א"פּ אלי עלין, עליאש, ש. אליהו, דר. א. עלקין, ל. יאַש, אליהו זיידלער געשריבן וועגן יידישע פּיעסן און טעאַטער־רעצענזיעס אין ניו־יאָרקער „טאָגעבלאַט", „קענעדער אדלער" און „אויפקום", ניו־יאָרק.

א. האָט אין מאַנוסקריפּט אַ דראַמע „דער טויט־אַפּאַראַט".

ש. ע.

זלמן רייזען — „לעקס. יידיש. ליט." I, זז. 100־102.

אַלעסקאָ, פערנאַנדאָ

אַ יידישע שוישפּילערין פון רומעניע, איז אין 1907 געקומען קיין אַמעריקע, אויפגעטראָטן אין ווינדזאָר־טעאַטער אין ליביןס „איר פאַרגאַנגענהייט", און נאָכן שפּילן איינציקע יאָר, האָט זי זיך צוריקגעצויגן פון דער יידישער בינע.

מ. ע. פון שלום פּערלמוטער.

אַלעקסאַנדראָוו, אהרן

געב. נאָוועמבער 1903 אין ווילנע, פּויליש־ליטע, אין אַ בעל־הביתישער פאַמיליע, צו וועלכער ס'געהערן אויך די רוסישע אַקטיאָרן מאָראָזאָוו און אַלעקסאַנדראָוו. נאָך אין שול אָנגעפירט און געשפּילט אין די שול־פאָרשטע־לונגען. ניט געקוקט אויף דער התנגדות פון די עלטערן, שפּעטער זיך אַקטיוו באַטייליקט אין ליבהאָבער־פאָרשטעלונגען. 1918 — אַריינגעטראָטן אין דער יידישער דראַמאַטי־שער סטודיע א"פּ פון אברהם סלאַבאָדסקי. 1919 — געשפּילט אַלס „ליבהאָבער" די ראָל פון „דאָבטשינסקי" אין גאָגאָלס „רעוויזאָר" און דורכדעם צוגעצויגן די אויפמערקזאַמ־קייט פון אַקטיאָר סאַנדלער, וועלכער נעמט אים אַריין אין אַ פּראָ־פעסיאָנעלער וואַנדער־טרופּע. 1923 — עמיגרירט קיין בוענאָס־איי־

רעס, און דאָרט געשפּילט 2 חדשים א״ד פון מאַרינאָוו, און דאַן, אין משך פון דריי יאָר, מיט טאָמאַשעווסקי, יאָזעף שיינגאָלד, ל. קרעמער בעת זייערע גאַסטראָלן א. א. 1926 — אַרומגעפאָרן מיט אַ חברים־טרופּע א״ל פון מאָרים בראַון איבער טשילי, פּערו, קובאַ און מעקסיקאָ, וואו די טרופּע שפּאַלט זיך, און אַ. מיט נאָך 4 מיטגלידער פון דער טרופּע שפּילן אַ קורצע צייט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע (טעקסאַס, אַל־פּאַסאָ, סאַן־אַנטאָניאָ, דאַלעס).

ש. ע.

אַלעקסאַנדראָוו, ח.

[וויליאַם מילער]

[געב. 1869 — געשט. 25 יוני 1909]

געב. 1869 אין פּעטערבורג, רוסלאַנד. שטודירט אין ווילנער יידישן לערער־אינסטיטוט, פון וואו ער איז אין 1887 אויסגעשלאָסן און אַרויסגעשיקט געוואָרן אונטער פּאָליציי־אויפזיכט קיין קראָנשטאַט. 1889 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו אַ. גיט זיך אָפּ מיט ליטעראַרישער אַרבעט.

א. האָט אין די וועכנטלעכע ביילאַגעס פון „פריינד“ 1904 און אין זיין חודש־אויסגאַבע II 1905, פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דער יידישער פּרעסע, ליטעראַטור און טעאַטער אין אַמעריקע.

לויט ב. גאָרין איז אין 1905 אויפגעפירט געוואָרן אַ.׳ס פּיעסע „די ערשטע ליבע“ אָדער „דאָס פאַרגיפטעטע געוויסן“.

דעם 25 יוני 1909 איז א. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 102-4.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II, ז. 256.

אַלקאַן, יהושע

געב. 28 יאַנואַר 1895 אין סעלץ, גראָדנער גוב., פּויליש־ליטע. פאָטער — אַ העברעאישער לערער, ביי וועמען ער לערנט. שוין אַלס יונגל געקנעלט אויף אַ דאָרף, און אויפן 16טן יאָר אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. א״פ י. עלקין דעביוטירט אין 1914 מיט סקיצן און דערציילונגען אין „דאָס אידישע פאָלק“, און דערנאָך אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין דער פּעריאָדישער פּרעסע אונטערן אייגענעם נאָמען.

א. האָט פאַרעפנטלעכט דעם איינאַקטער „הינטער גראָהע ווענט“ אין זאַמלבוך „איסט בראָדוויי“ (נ. י. 1916), דעם איינאַקטער „פאַרנאַכט“ אין „אידישען קאָנגרעס“, די 4־אַקטיקע דראַמע „צווישען שטאָט און דאָרף“ אין „די קאַליפאָרניער אידישע שטימע“ (1928) און צענדליקער סצענעס אין דיאַלאָג־פאָרם אין „פאָרווערטס“ און אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבן.

ב. האָט אויך אין מאַנוסקריפּט „ווען קורץ איז דאָס לעבן“ (דראַמע אין 4 אַקטן), „מר. גאָלד“ (אַ זאַך, וואָס קאָן פּאַסירן, אין 5 בילדער), „דער נדר“, (טראַגי־קאָמעדיע אין 3 אַקטן) און „האַלוצינאַציעס“ (קאָמעדיע אין 5 סצענעס).

ש. ע.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, I, ז. 111.

אַלשאַנעצקי, אַלעקסאַנדער

[יהושע]

געב. 23 אָקט. 1892 אין אָדעס, אוקראַאינע. פאָטער — אַ סוחר. געלערנט אין אַ חדר, יידישע שול און אין גימנאַזיע. נאָך אַלס 6־יאָריק קינד אַרויסגעוויזן פעאיגקייטן צו שפּילן פידל, און דער פאָטער האָט אים אַריינגעגעבן אין דער אָדעסער קייזערלעכער מוזיקאַלישער שול, וואו ער איז געבליבן 9 יאָר און זיך אויסגעלערנט שפּילן פאַרשיידענע אינסטרומענטן.

צוליב זיין חשק צו וואַנדערן, פאַרלאָזט ער די היים קעגן ווילן פון זיינע עלטערן, און פאָרט אין 1917 אַוועק מיטן אָרקעסטער פון דער אָדעסער אָפּערע אַלס פידלער. אַזוי וואַנדערט ער איבער דרום־רוסלאַנד און סיביר, וואו ער טרעט אַריין אַלס כאָר־דיריגענט אין אַ רוסישער אָפּערעטן־טרופּע. דערווייל ווערט ער צוגענומען אַלס סאָלדאַט, און ווערט אין דער מלחמה־צייט קאַפּעלמייסטער אין זיין פּאָלק. ער ווערט מיט זיין פּאָלק מגולגל קיין כאַרבין, וואו ער טרעפט אַ יידישע טרופּע אונטער דער דירעקציע פון פישזאָן, און ווען סאַנדלער פאַרלאָזט פּלוצלינג די טרופּע און פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע, ווערט אָ., מיט דער דערלויבניש פון פּאָלק־קאָמאַנדיר, דער דיריגענט פון דער יידישער טרופּע.

דאָ הויבט ער אָן שרייבן מוזיק פאַר יידישע אָפּערעטן. זיין ערשטע קאָמפּאָזיציע איז צו יצחק קאַפּלאָנס אָפּערעטע „צוריק אַהיים קיין ציון“, דערנאָך צו פּאָגעלנעסטס „אָראַנטשיק און סאָלאָמאָנטשיק“.

די לאַגע אין כאַרבין ווערט אָבער שווער פאַר יידיש טעאַטער, און אָ. טרעט אַריין אין אַ רוסישער אָפּערעטן־טרופּע, מיט וועלכער ער פאָרט אַרום איניקע יאָר איבער יאַפּאַן, כינא, און אינדיע. אין 1921 קומט ער צוריק קיין כאַרבין, אָבער ער טרעפט דאָרט מער ניט די יידישע טרופּע, און פאָרט אָפּ קיין אַמעריקע, וואו ער קומט אָן אין 1922 צו זיין פעטער, דעם אַקטיאָר הײמאַן מייזעל.

דאָ פילט ער די ערשטע צייט דעם אמתן טעם פון אַ „גרינעם“ ביז שוואַרץ גיט אים די ערשטע געלעגנהייט צו שרייבן מוזיק צו אַנדרעעווס „אַנאַטעמאַ“, סעקלערס „יזכור“ און צו זשולאַווסקיס דראַמע „שבתאי צבי“. אָבער דאָס ענדערט ניט אויף אַ סך זיין לאַגע. ער פאָרט דעריבער קיין קובאַ אַלס דיריגענט פון אַ וואַנדערנדער אָפּערן־טרופּע, און ערשט ווען ער קומט צוריק און שרייבט אָן מוזיק צו יצחק לעשס אָפּערעטע „די פריילעכע קבצנים“, וואָס ווערט אויפגעפירט אין לענאָקס־טעאַטער, ווערט ער אַנגאַזשירט אַלס דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר פון דעם טעאַטער. דאָרט פאַרפאַסט ער מוזיק צו „ציגיינער פּרינץ“ פון סיגעל, „פּאַלעסטינער ליבע“ פון א. ליליען. אַ סעזאָן שפּעטער ווערט ער אַנגאַזשירט צו ראָלאַנדן אין ליבערטי־טעאַטער, וואו ער פאַרפאַסט מוזיק צו די ערפאָלגרייכע אָפּערעטן „זיסע ליבע“, „סטודענטן־ליבע“ און „דער גאָלדענער סאָלדאַט“ פון ל. פריימאַן. זייט 1927 איז ער אַנגאַזשירט אין נייישאָנאַל־טעאַטער, וואו ער האָט פאַרפאַסט מוזיק פאַר אַ סך אָפּערעטן און מעלאָדראַמעס, פון וועלכע ס׳האָבן געהאַט אַ באַזונדערן דערפאָלג „אין גאָרטן פון ליבע“ פון קאַלמאַנאָוויטש און סיגעל, „אַ גן עדן פאַר צוויי“ פון סיגעל און „איציקל שאָלטיק“ און „דער ליטווישער יענקי“ פון יצחק לעש.

סעזאָן 1929-30 — געשריבן מוזיק פאַר די אָפּערעטן „די איינ-

ציקע נאַכט" פון אברהם בלום און „מזל און ליבע" פון מאיר שוואַרץ (ביידע אויפגעפירט אין נייישאָנאַל-טעאַטער).

דעם 24 פעברואַר 1929 האָט א. אויפגעפירט צום ערשטן מאָל דורך דער ראַדיאָ אין ניו־יאָרק זיין באַארבעטע אָרקעסטראַציע פון גאָלדפאַדענס „בר־כוכבא".

מ. ע.

א. פרומקין — וועגן אָפּערעטעס, אידישע נגינה און אַמעריקאַנער דזשעז, „מא"זש", ניו־יאָרק, 24 פעב. 1928.

צ. ה. ר. — א. אָלשאַנעצקי'ס ראַדיאָ אויפפיהרונג פון „בר כוכבא", „טאָג", ניו־יאָרק, 22 פעב. 1929

אַמאַטין, סאָניאַ

[שרה גאָלדבערג-לעווין]

געבוירן 15 אויגוסט 1899 אין ווילנע, פויליש-ליטע. פאָטער — אַ קליינהענדלער. געענדיקט אַ רוסישע פאָלקס-שול אין ווילנע, פון וואַנען די עלטערן טראָגן זיך איבער קיין יעקאַטערינאָסלאַוו.

אין 1918 טרעט זי אַריין אַלס כאָריסטקע אין דער טרופּע פון בראַנדעסקאָ און בראַסלאַווסקי, פון דאָרט פאָרט זי איבער קרים קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו זי האָט חתונה מיטן אַקטיאָר פּעטער אַמאַטין, און אין 1922, ווען זיי פאָרן קיין ווין, אָרגאַניזירט איר מאַן אַ טרופּע, אין וועלכער זי הויבט אָן שפּילן ראָלן. דורכמאַכנדיק אייניקע טורנעען איבער דער פּראָווינץ פון רומעניע, ווערט א. אין 1927 אַנגאַזשירט צו ריישן אין טשערנאָוויץ, פון דאָרט צו איציקל גאָלדענבערג אין בוקאַרעסט.

ש. ע.

אַמאַטין, פּעטער

[פּסח גאָלדבערג]

געב. 19 אויגוסט 1894 אין טערעספּאָל שעדל. גוב., פּוילן. עלטערן — סוחרים, וואָס טראָגן זיך איבער קיין ווארשע. דאָרט ענדיקט ער 2 קלאַסן פון דער רוסישער פּריוואַט-גימנאַזיע גענעראַל וואַסילעווסקי, און ווען ער וואַנדערט אויס קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, זעצט ער פאָרט זיין בילדונג ביזן 6טן קלאַס פון אַ פראַנצויזישער קאָמערץ-שול.

אין 1912 אַריינגעטראָטן אין לעאָפּאָלד קאַנערס יידישער טרופּע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין 1913 אַרומגעפאָרן אויף אַ טורנעע איבערן אָריענט מיט אַ דייטשער אָפּערעטן-טרופּע מיט פּריצי אַרקאָ אָן דער שפּיץ. אין 1914 — אַרויסגעשיקט אַלס רוסישער אונטערטאַן קיין אָדעס, וואו ער ווערט אַנגאַזשירט אין גוזיקס טרופּע, וועלכע מוז אָבער, צוליבן פאַרבאָט אויף יידיש, שפּילן דעם רעפּערטואַר פון גאָלדפאַדען, גאָרדין, ריכטער און ליבין אויף רוסיש. 1915 — אַריינגעטראָטן אין זאַסלאַווסקיס טרופּע, וועלכע שפּילט אויף רוסיש. סוף 1916 אָנגעהויבן שפּילן אין דער רוסישער קליין-קונסט-טרופּע פון זעליענעוו-ווערט.

נאָך דער רעוואָלוציע טרעט ער צוריק אַריין אין זאַסלאַווסקיס טרופּע, וועלכע שפּילט שוין אויף יידיש, און פון דאָרט אין אַנדערע יידישע טרופּעס, סוף 1919 פאָרט א. צוריק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ער שפּילט מיט אַ גרופּע יידישע אַקטיאָרן, פּליכטלינגע פון רוסלאַנד, 1921 — געשפּילט אין אַטען, גריכנלאַנד, ביי דער פילם-געזעלשאַפט „פּאַלאַס פילם" אין די פילמען „דער גרויסער אומבאַקאַנטער" („לאָרד ליסטער"), „די ליבע פון אַ ציגיינערין" („אַסטאָר"). אין 1918 געשפּילט אין אָדעס ביי דער פילם-געזעלשאַפט „מיריאָגראַף גראָסמאַן" אין די פילמען „פּאַרזונקענער גלאָק" פון הויפּטמאַן („וואַלד-רוח"), „דער ליליען-נאַר" („בינעזער לי"), „רויטער געלעכטער" („פּראָקוראָר") און „7 געהאַנגענע" פון אַנדרעיעוו („ציגאַניאָק").

סוף 1922 אָרגאַניזירט אין רומעניע אַ וואַנדער-טרופּע אונטער זיין דירעקציע, דערנאָך טרעט ער אַריין אין די טרופּעס פון רייש (טשערנאָוויץ), און איציקל גאָלדענבערג (בוקאַרעסט).

א. האָט איבערזעצט פון רוסיש פּאָליאַקאָווס פּיעסע „לאַבירינט".

ש. ע.

אַמאַסיאַ, אַלעקס

[אַלעקסאַנדער]

געב. 16 יולי 1887 אין אָדעס, אוקראַאינע. ברודער פון אַקטיאָר הערש אַמאַסיאַ. ביז 14 יאָר געלערנט אין דער 2טער רעגירונגס-שול. אין עלטער פון 12 ביז 14 יאָר געשפּילט מיט „ליבהאָבער". צוליב דער מוטערס טויט מוז ער איבעררייסן די למודים, און טרעט אַריין אין אַ קליינרוסישער טרופּע. און ווען עס קומט די יידישע טרופּע פון מישוראַט, גייט ער איבער צו איר און פאָרט מיט אין שטעטל בערעזאָווקע, ביי אָדעס. פון דאָרט וואַנדערט ער איבער די גרעסערע און קלענערע שטעט פון רוסלאַנד. במשך פון דער צייט טרעט ער אויך אויף אַלס קלאָון אין אַ צירק. די סעזאָנען 1907־9 שפּילט ער אין די טרופּעס פון געגנפער און ראָטשטיין, און ווען ער קומט צוריק פון מיליטער־דינסט, שפּילט ער אין די טרופּעס פון סאַבסיי, גענפער און ליבערט. באַטייליקט זיך 3½ יאָר אין דער וועלט-מלחמה וואו ער ווערט דריי מאָל פאַרוואונדעט. נאָך דער רעוואָלוציע ווערט ער נאַציאָנאַליזירט און באַטייליקט זיך אין „יידישן קונסט־ווינקל". אין 1923 פאַרלאָזט ער רוסלאַנד און נאָכדעם ווי ער שפּילט 7 חדשים יידיש טעאַטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, קומט ער אין אַמעריקע, וואו ער שפּילט צוויי סעזאָנען אין פילאַדעלפיע ביי אַנשעל שאָר, 1 סעזאָן אין שיקאַגא ביי גליקמאַן און אַ סעזאָן אין מעקינלי סקווער־טעאַטער אין ניו־יאָרק, וואו ער איז אויך סטיידזש־מענעדזשער.

1929־30 — אין באַלטימאָר ביי משה שאָר.

ש. ע.

אַמאַסיאַ, הערש

[געב.... 1864 — געשט. 27 מאַי, 1927]

געב. 1864 אין אָדעס, אוקראַאינע, געלערנט אין חדר און אין אַ ישיבה. אין 1878 נעמט אים דער דיריזשאָר דונאַיעווסקי אין כאָר פון דער גרויסער שול, וואו ער זינגט אַלס סאָפּראַן, שפּעטער ברענגט אים דער זעלבער דיריזשאָר אַריין אין כאָר פון גאָלדפאַדענס טרופּע, און א. באַטייליקט זיך אין כאָר פון גאָלדפאַדענס פּיעסע „פּאָדריאַדטשיק“, שפּעטער שפּילט ער „טעאַטער“ מיט נאָך קינדער אין די שפּייכלערס, אויף בוידעמער און אין שטוב. אין 1884 פאָרט א. אַרום מיטן קוואַרטעט האָלדין-לעווינזאָן, וויינבוים און אַמאַסיאַ איבער קרים. נאָכן דינען אין מיליטער פאָרט ער אַרום מיט אַ טרופּע, און אין 1891 באַטייליקט ער זיך אין קאָמפּאַנעיעצס טרופּע, און ווען זי צעפאַלט, טרעט א. אַריין אין אַ צירק, וואו ער זינגט אין רוסישע כאָרן, און שפּילט אויף יידיש סצענעס פון „שולמית“, דערנאָך הויבט ער ווידער אָן שפּילן ביי קאָמפּאַנעיעץ, דאַן ביי פישזאָן און בערענשטיין, ספּיוואַקאָווסקי און שאַראַוונער, און דאַן צוריק ביי פישזאָנען.

אין 1896 ווען א. געפינט זיך אין ניקאָלאַיעוו, און מען פאַרווערט דאָ צו שפּילן יידיש, ווערט ער אַ קעלער-זינגער, טרעט אַרויס אַלס בדחן אויף בריתן און חתונות און אַרבעט אויך גלייכצייטיק אַלס טרעגער ביים פּאָרט, ביז ער טרעט אַריין אין בערנשטיינס טרופּע, דערנאָך שפּילט א. אין פאַרשיידענע טרופּעס אין רוסלאַנד, פּוילן און גאַליציע. אין די לעצטע יאָרן האָט ער קראַנקערהייט געשפּילט קלענערע ראָלן אין „וויקט“, און אין יוליוס אַדלערס טרופּע.

א. איז לעצטנס געווען אַן עמעריט פון פראָפ. יידישן אַרטיסטן-פאַראיין אין פּוילן.

דעם 28 מאַי 1927 איז א. געשטאָרבן אין יידישן שפּיטאָל אין וואַרשע.

א. האָט איבערגעלאָזט אַ העפט מיט מעמואַרן, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „יידיש טעאַטער“, וואַרשע, 1927, II באַנד.

הערש אַמאַסיא: (נעקראָלאָג), „ליט“בל“, וואַרשע, 24, 1927.
הערש אַמאַסיא — זכרונות „יידיש טעאַטער“, וואַרשע, 1927, II, זז. 13-200.

זיגמונט טורקאָוו — עמעריטן. „ליט“בל“, וואַרשע, 43-40, 1929.

אַמזעל, גאָלדע

[געניאַ שניידער]

געב. 19 אַפּריל 1899 אין לעמבערג, מזרח-גאַליציע. פאָטער — אַ שלאָסער. געענדיקט אַ פאָלקס-שול. פילנדיק אַ נייגונג צו דער בינע, און באַזיצנדיק אַ שטים, טרעט זי, נאָך שווערינקייטן, אַריין אין כאָר פון אָרטיקן יידישן טעאַטער, און אין 1917 ווערט זי אָנגענומען אין עבלס טרופּע אין פּשעמישל אַלס כאָריסטין, אָבער נאָך אַ קורצער צייט באַקומט זי די מעגלעכקייט צו שפּילן, אַרויסטרעטנדיק צום ערשטן מאָל אין דער ראָל „פלאָרענץ“ אין „חאַנטשע אין אַמעריקע“. 1918 — געשפּילט אין

קראָקע, 1919 — אין אַ חברים-טרופּע מיט חיים גליקמאַן בראש, זייט 1920 אין פאַרשיידענע חברים-טרופּעס.

איר קינד לאַהלע שפּילט די קינדער-ראָלן אין טעאַטער.

ש. ע. פון וואָלף אַמזעל.

אַמזעל, וואָלף

געב. 18 סעפּט. 1894 אין לאָדזש, פּוילן. פאָטער — אַ שוחט, דער זיידע — אַ רב. געענדיקט אַ פאָלקסשול.

נאָך אַלס יינגל זיך זייער פאַראינטערעסירט, און אָפט באַזוכט בגנבה אַלס ישיבה-בחור דאָס יידישע און דייטשע טעאַטער. אין 1913 אָנגעהויבן זיך באַטייליקן אין ליטעראַריש-מוזיקאַלישע אָוונטן. אין 1915 צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן אין זילבערצווייגס טרופּע אַלס „הירש בער“ אין קאָברינס „דאָרפסיונג“. נאָכן אַרומפאָרן מיט דער דאָזיקער טרופּע איבער דער פּוילישער פּראָווינץ, שפּילט ער אייניקע חדשים אין מ. ד. וואַקסמאַנס טרופּע אין לאָדזשער טאַליאַ-טעאַטער, דערנאָך מיט חברים-טרופּעס איבער דער פּוילישער פּראָווינץ. זייט 1918 וואַנדערט ער אַרום מיט חברים-טרופּעס איבער דער פּראָווינץ פון גאַליציע, אין 1920 געשפּילט אייניקע חדשים אין פּשעמישל אונטער דער דירעקציע עבעל, דערנאָך 2 יאָר מיט אַ חברים-טרופּע (אָרגאַניזירט דורכן דאָרטיקן אַרטיסטן-פאַריין) אין לעמבערג. זייט 1923 וואַנדערט ער ווידער מיט פאַרשיידענע חברים-טרופּעס איבער דער פּראָווינץ.

ש. ע.

אַניעלאַ

[חנה קאַמפּאַנעיעץ-פּאָליאַקאָוו]

געב. 1894 אין באַלטאַ, קרים. עלטערן — די יידישע אַקטיאָרן לאה און א. ג. קאָמפּאַנעיעץ. געענדיקט אין וואַרשע אַ רעגירונגס-גימנאַזיע. נאָך אַלס קינד אָנגעהויבן שפּילן אין פאָטערס טרופּע, און אַזוי געבליבן אויף דער בינע, איבערגייענדיק זייט 1915 צום דראַמאַטישן רעפּערטואַר.

ביז 1928 תמיד געשפּילט אין די טרופּעס אונטער דער אָנפירונג פון איר פאָטער, און אין סעזאָן 1928-9 אין וואַרשעווער קאַמינסקי-טעאַטער (דירעקציע ווינדער און מ. פעניגשטיין).

1929-30 — געשפּילט אין פּאַריז א״ד פון איר פאָטער.

מ. ע.

אַנכי, ז. י.

[זלמן יצחק אַראָנסאָן]

געבוירן אין 1876 אין ליאַדי, מאָהיל. גוב., אוקראַאינע, פאָטער — ראש ישיבה. דערצויגן געוואָרן אין שטעטל קרוטשי, דערנאָך געלערנט אין פאַרשיידענע ישיבות. אין דער ליטעראַטור דעביוטירט אין „השלח“ 1903. האָט אין מאַנוסקריפּט אַ דראַמע „עטע-

לע“, וועלכע איז דעם 25טן פעב. 1928 אויפגעפירט געוואָרן דורך דער וואַרדי יאָעליט-סטודיע אין ניו-יאָרק, א“נ „די גאָלדענע פּאַווע“, באַאַרבעט און רעזשיסירט פון דוד וואַרדי און חוה יאָעליט (דעקאָר. און קאָסטיומען פון ב. קאָפּערמאַן און פּ. בלומבערג).

ש. ע. פון דוד וואַרדי.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, I, ז. 122.

וואַרדי־יאָעליט סטודיע בלעטלאַך, ניו־יאָרק, 1929.

אַנ-סקי ש.

[שלמה-זאַנוול ראַפּאָפּאָרט]

[געב. 1863 — געשט. 8 נאָוו. 1920]

געב. 1863 אין וויטעבסק, ווייס-רוסלאַנד, אין אַ מיוחסדיקער פאַמיליע. דערצויגן געוואָרן אונטער דער השפּעה פון זיין מוטער, אַן אמת יידישע בעל-הביתישע פרוי, וואָס האָט געצויגן חיונה פון אַ שענק. דער פאָטער — אַן אנגעשטעלטער ביי די פּאָליאַקאָווס אין מאָסקווע (?), פלעגט זעלטן זיין אין דער היים.

דאָס לערנען אין אַלטמאָדישן חדר, מאַכט אויף א. אַזאַ שווערן איינדרוק, אַז ער באַשרייבט דאָס, צווישן זיינע אַנדערע יינגלשע פעדער-פּרובן, אין אַ דראַמע, און באַרירט שפּעטער די טעמע אין זיין דערציילונג, „אין אַ יידישער פאַמיליע“ (רוסיש)

דידאָזיקע דראַמע האָט אַ. [לויט דר. חיים זשיטלאָווסקי] פאַרגעלייענט אַדלערן ווען ער האָט גאַסטראָלירט אין וויטעבסק. די פּיעסע איז אַדלערן געפעלן, נאָר ער האָט פאַרלאַנגט פון אַנ-סקין, אַז ער זאָל צוגעבן דערצו לידער און טענץ.

אַלס יינגל פון 15 יאָר האָט אַ. שוין געקענט גמרא מיט תוספות און מהרש“א, און אַביסל שפּעטער זיך אויסגעלערנט העברעאיש. צו יענער צייט געהערט אויך אַ.'ס ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט זיין חבר און פריינט חיים זשיטלאָווסקי. צו 17 יאָר באַהאַוונט אין דער ראַדיקאַלער העברעאישער ליטעראַטור, און אונטער איר ווירקונג געוואָרן אַן אפּיקורס און זיך גענומען ענערגיש לערנען די רוסישע שפּראַך, פון וועלכער ער האָט ביז דאַמאָלט ניט געהאַט קיין שום באַגריף. באַקענט זיך מיט דער ראַדיקאַלער רוסישער ליטעראַטור, און געטריי זיינע נייע אידעאַלן, לערנט זיך א. אַ מלאכה — פריער שמידעריי, דערנאָך איינבינדעריי.

אָנהויב 1881 אָפּגעפאָרן קיין ליאָזנאָ, וואו ער גיט שטונדן, אָבער דער עיקר פאַרנעמט ער זיך מיט פאַרשפּרייטן די אפּיקורסישע סאָציאַליסטישע געדאַנקען צווישן די דאָרטיקע יונגעלייט. צוליב די רדיפות פון רב געצוואונגען צו פאָרן קיין דווינסק, דאָרט זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג, און אויך גענומען שרייבן אַ טאָגבוך אויף יידיש. אַ.'ס ערשטער ערנסטער ליטעראַרישער פּרוב איז זיין דערציילונג „די געשיכטע פון אַ פאַמיליע“.

באַלד דורך דער ערשטער דערציילונג אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט און אַריינגעקומען אין דער אַטמאָספערע פון דער רוסיש-יידישער ליטעראַטור. ניט געפינענדיק נאָך פאַר זיך דעם געהעריקן אָפּקלאַנג אויף דער יידישער גאַס, לאָזט זיך א. אַראָפּ אין די טיפענישן פון רוסישן פאָלקסלעבן. די ווירקונג פון דער „נאַראָדניטשע“ ליטעראַטור טרייבט אים צו „גיין אין פאָלק אַריין“.

1892 אַוועק קיין מערב-אייראָפּע זיך צו באַקענען מיטן לעבן פון די דאָרטיקע אַרבעטער, פאַרבראַכט אַ קורצע צייט אין בערלין,

דערנאָך אין בערן, דאַן אין פּאַריז, וואו ער אַרבעט אַלס איינבינדער, און פון 1894 ביז 1900 געוואָרן דער פּריוואַט-סעקרעטאַר פון רוסישן סאָציאַליסטן-פירער פּ. לאַווראָוו.

דורך די אָפּקלאַנגען פון די נייע באַוועגונגען אין רוסלאַנד, און אַ דאַנק דער השפּעה פון דער יידישער עמיגראַנטן-קאָלאָניע אין בערן, וועלכע א. האָט טיילמאָל באַזוכט צוליב זשיטלאָווסקין, דערנענטערט זיך אַ. ביסלעכווייז צו דער יידישער אינטערעסן-ספערע, און קערט זיך אפילו אום אין זיינע רוסישע דערציילונגען צו יידישע טעמעס. הייבט אויך אָן דרוקן אויף יידיש, און פאַרפאַסט „די שבועה“, וועלכע איז געוואָרן דערנאָך דער הימן פון „בונד“.

אין יענער צייט פאַרפאַסט אויך אַ. אויף דער בקשה פון זיינע יידיש-רוסישע סאָציאַליסטישע קאָלעגן — זיין קאָמעדיע „אין אַ קאָנספּיראַטיווער דירה“. די קאָמעדיע איז לכתחילה געשריבן געוואָרן, אין פאַרלויף פון איין נאַכט, אויף רוסיש, און זי איז אויפגעפירט געוואָרן דורך דער רוסישער סאָציאַליסטישער קאָלאָניע אויף איר יאַרלעכן באַל אין בערן. די הויפּטראָלן האָבן געשפּילט חיים זשיטלאָווסקי (אַגענט פון דער אָכראַנקע) און וויקטאָר טשערנאָוו (שפּיאָן פון דער זשאַנדאַרמסקער אופּראַווע).

באַלד דערנאָך פאַרפאַסט אויך אַ. אויף יידיש זיין קאָמעדיע „פאָטער און זון“, וואָס איז צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן [לויט אַ פּערזענלעכער ערקלערונג פון אַנ-סקי צו ז. זילבערצווייג] אין אַן אומלעגאַלער בונדיסטישער אויסגאַבע אין שווייץ. דערנאָך דערשינען אין פאַרלאַג „די וועלט“. [ס. אַנ-סקי „דער פאָטער און זוהן“, ווילנא, 1906, 24 ז. 16°].

נאָכן מאַניפעסט פון 1905 קומט אַ. צוריק קיין רוסלאַנד, וואו ער נעמט אַן אַקטיוון אנטייל אין דער ס. ר. באַוועגונג, און הייבט זיך אויך אָן אָפּגעבן מיטן יידישן פאָלקלאָר, פאַרעפנטלעכט אין די רוסיש-יידישע אויסגאַבן אַ ריי אַרטיקלען וועגן דער יידישער פאָלקסשאַפונג, באַטייליקט זיך אין דער יידישער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין פּעטערבורג, פירט אָן די ערשטע וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציע אויפן נאָמען פון באַראָן האָראַץ גינזבורג צו זאַמלען די ווערק פון יידישן פאָלקלאָר און צוזאַמען מיט יואל ענגעל און זיין פּלימעניק יודאָווין באַזוכט ער איבער 66 פּונקטן פון וואָלין און פּאָדאָליע, וואו ער זאַמלט צונויף רייכע קאָלעקציעס פון אַלטע און זעלטענע מוזיי-חפצים און כתב-ידן, פאָלקס מעשיות, לעגענדעס, לידער, ניגונים א. אז. וו.

אין 1909 האָט א. איבערזעצט אויף רוסיש און פאַרעפנטלעכט אין „יעוורעיסקי מיר“ פּרץ'ס „אין פּאָליש אויפן קייט“.

בעת דער וועלט-מלחמה ווערט אַ. מיט לייב און זעל אַריינגעצויגן אין דער הילפסאַרבעט פאַר די מלחמה קרבנות, און ברענגט מאָראַלע און מאַטעריעלע הילף די פאַראומגליקטע קיבוצים און קהלות.

ש. ל. ציטראָן גיט איבער אין זיינע „דריי ליטעראַרישע דורות“ אַז אַ. האָט דערציילט, אַז די אידעע פון זיין דראַמע „צווישן צוויי וועלטן [ש. א. אַנ-סקי, צווישן צוויי וועלטן (דער דבוק), אַ דראַמאַטישע לעגענדע אין פיר אַקטן. ווילנע 1919, אַרויסגעגעבן דורך ישראל קוויאַט, פּרייז 7 רובל, 83 ז. 16°], וועלכע א. האָט געשריבן צוערשט אין רוסיש, און דערנאָך אויף יידיש, איז צום מחבר געקומען אין 1911. אַלס יסוד פאַרן ערשטן אַקט האָט א. גענומען בעת זיין הילף-אַקציע אין גאַליציע אין 1914, דעם גאָרליצער בית-מדרש. דער ערשטער אַקט איז געשריבן געוואָרן אין טאַרנאָ'ו, דער 2טער אין אַן אַנדער גאַליציאַנער אָרט, און די לעצטע 2 אַקטן אין מאָסקווע.

די פּיעסע איז אנגענומען געוואָרן פון סטאַניסלאַווסקין פאַר דער סטודיע פון מאָסקווער קונסט-טעאַטער [אַ. אין זיין בריוו צו זשיט-

לאָווסקין, „ליט"בלט", 11, 1924], אָבער דערפֿון איז גאָרניט געוואָרן. אַ. האָט די פּיעסע געלייענט פֿאַר טעאַטער-לייט אין אָדעס און אין ווילנע, אָבער מען האָט זי ניט אויפֿגעפֿירט. אין סעפּטעמבער 1918 בעת אַ. איז געקומען אין ווילנע, האָט ער, ניט האָבנדיק מיט זיך דעם יידישן טעקסט פֿון זיין פּיעסע, זי איבערזעצט אויף יידיש [דערשינען אין ווילנע 1919] פֿון ח. נ. ביאַליקס אויטאָריזירטער העברעאישער איבערזעצונג [„התקופה", 1, מאָסקווע]. אַ. האָט געפּרובט לאָזן אויפֿפֿירן די דראַמע אין ווילנע דורך אַ שוואַכער טרופּע, אַבי זי צו זען אויף דער בינע, אָבער פֿון פּרוב איז גאָרניט געוואָרן. אַ. האָט זיך אויך באַמיט דורך זשיטלאָווסקין, אַז מען זאָל די פּיעסע שפּילן אין אַמעריקע. אַ. דערציילט אויך אין זיין אויבנדערמאָנטן בריוו, אַז דוד הערמאַן האָט זיך געגרייט זי אויפֿצופֿירן ביי „די ווילנער", אָבער ס'איז דערפֿון גאָרניט געוואָרן.

אַ.'ס אויפֿפֿאַסונג פֿון זיין פּיעסע איז אַזאַ: [אין זיין אויבנדערמאָנטן בריוו צו דר. חיים זשיטלאָווסקי]:

„די פּיעסע איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ רעאַליסטישע וועגן מיסטיקער. דער איינציקער נישט רעאַליסטישער שטריך אין איר איז — נישט לאהס רייד און וויזיעס, נאָר דער משולח. אים האָב איך אומישנע געשילדערט אין מיסטישע שטריכן. אין דער ערשטער רעדאַקציע איז ער נישט געווען. אַריינגעפֿירט האָב איך אים לויט דער עצה, ריכטיקער, לויט דער פֿאָדערונג פֿון סטאַניסלאַווסקין. און, אַריינפֿירנדיק אים, האָב איך שוין ממילא פֿאַרברייטערט די אידעע פֿון דעם ווערק. געשטעלט איבער דער טעמע פֿון „הנאהבים והנעימים" נאָך איין עטאַזש, אַ העכערן.

אין דער גאַנצער פּיעסע גייט אַ קאַמף צווישן אינדיווידואום און קאָלעקטיוו. ריכטיקער — צווישן דער שטרעבונג צום אינדיווידועלן גליק און דער אָפּהיטונג פֿון קיום הלאומי, ראַסן-לעבן. חנן-לאה רייסן זיך צו זייער פּערסאָנאַלן גליק, דער צדיק טראַכט נאָר וועגן דעם „עס זאָל נישט פֿאַרוועלקן אַ צווייג פֿון אייביקן בוים פֿון הויז-יעקב". ווער פֿון זיי איז גערעכט?

פֿון זיין ערשטן אַרויסטריט אַנטקעגן לאה-חנן, הייבט אָן דער צדיק איבערצייגן זיך, אַז די ציאונג פֿון די ביידע נשמות (שטרעבונג צום אינדיווידועלן גליק) איז נישט קיין זאַך פֿון פּריצות-עול, פֿון שרירות-לב, נאָר האָט טיפֿע וואָרצלען. ווייזט זיך אַרויס, אַז אין הויכע היכלים איז עס אָנגענומען געווען, חננען האָט געצויגן אַ העכערער כח, און אַז דער צדיק טרייבט אים אַרויס מיט שופֿר-בלאָזן, פֿילט ער, „אַז עמיצער אַ שטאַרקער העלפֿט אים". נאָר דער צדיק קאָן פֿון זיין וועג נישט אָפּטרעטן. סוף כל סוף זיינען מנצח חנן-לאה. אָבער איז דער צדיק אומגערעכט?

דאָ קומט דער משולח פֿון אַ העכערן עולם [וועלט], פֿון יענעם עולם, „וואָס שמעלצט צונויף אין זיין פֿלאַם די העכסטע בערגשפּיצן מיט די טיפֿסטע טאָלן". פֿאַר אים זיינען ביידע, אי חנן-לאה, אי דער צדיק, גערעכט און נאָך מער באַרעכטיקט איז זייער קאַמף. דער משולח האַלט זיך ביים צדיק. ריכטיקער, האַלט אים פֿאַר די לייצעם און אין דעם מאָמענט פֿון העכסטן קאַמף, אַז דער צדיק שרייט-אויס זיין חרם און ביי חנן גייען אויס אין קאַמף די לעצטע כחות, באַשטימט דער משולח: „דער לעצטער פֿונק האָט זיך צונויפֿגעגאָסן מיטן פֿלאַם".

נאָך דער מערץ-רעוואָלוציע וואַרפֿט זיך אַ. ווידער אַריין אין פּאָליטישער אַרבעט, ווערט אויסגעקליבן אין אַ ריי אָנפֿירנדיקע אינסטיטוציעס, באַקומט אויסצופֿירן וויכטיקע פּאָליטישע מיסיעס, און ווערט פֿון די ס. ר. אויסגעקליבן אַלס דעפּוטאַט אין דער ערשטער רוסישער גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג.

נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע — אַוועק קיין ווילנע, וואו אַ. נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אין געזעלשאַפֿטלעכן און קולטורעלן לעבן פֿון שטאָט. נאָך די שרעקלעכע אַפּריל-טעג אין ווילנע, בעת וועלכע ס'איז אומגעקומען זיין נאָענטער פֿריינט אַ. וויטער, באַזעצט זיך אַ. קראַנקערהייט אין אָטוואָצק, ביי וואַרשע, וואו ער אַרבעט זייער פֿיל ליטעראַריש, און באַטייליקט זיך אויך אין ליטעראַרישע אָוונטן אין וואַרשע און לאָדזש.

בעתן אַריינמאַרשירן פֿון דער רויטער אַרמיי קיין אָטוואָצק, קומט אַ. קיין וואַרשע און באַזעצט זיך אין קליניק פֿון דר. מ. הורוויטש, וואו ער איז דעם 8טן נאָוועמבער 1920 פּלוצים געשטאָרבן.

די לויה איז געווען אַן אימפּאָזאַנטע. אַ. איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה נעבן י. ל. פּרץ און יעקב דינעזאָן, און אין 1925 איז איבער אַלע דריי קברים געשטעלט געוואָרן דער „אהל-פּרץ".

צו די שלושים פֿון זיין טויט — 9 דעצ. 1920 — האָט די „ווילנער טרופּע" אין וואַרשע אויפֿגעפֿירט אין עליזעאום-טעאַטער א"ר פֿון דוד הערמאַן אַ.'ס פּיעסע „צווישן צוויי וועלטן" אָדער „דער דיבוק" מיט פֿאָלגנדיקן פּערסאָנאַל פֿון דער פּרעמיערע: 1טער בטלן — אליעזר זשעלאַזאָ, 2טער בטלן — אברהם מאָרעווסקי, 3טער בטלן — יעקב וויסליץ, דער משולח — נח נאַכבוש, חנן — אליהו שטיין, מאיר — שלום טאַנין, הענעך — יוסף בולאָוו, אשר — ***, שרה בת-טובים — פֿאָליע וואַלטער, ר' סנדר בריניצער — מתתיהו קאָוואַלסקי, לאה — מרים אָרלעסקאַ, פֿראַדע — יהודית לאַרעס, גיטל — חוה בראַז, אַנ'אורח — שמואל שעפּטעל, אַ האָרבאַטער — יוסף בולאָוו, אַנ'אַלטע אָרימע — יוכבד וויסליץ, טויטן-טאַנץ — פֿאָליע וואַלטער, בתיה — ראָזע בירנבוים, ר' נחמן — לייב קאַדיסאָן, ר' מענדל — יעקב וויסליץ, 1טער חסיד — שמואל שעפּטעל, 2טער חסיד — יעקב וויסליץ, ר' עזריאלקע מיראָפּאָליער ,אַ צדיק — אברהם מאָרעווסקי, מיכאל — שלום טאַנין, ר' שמשון — לייב קאַדיסאָן.

די פּיעסע איז אויף אַ משך פֿון יאָרן געוואָרן די סענסאַציע פֿון יידישן טעאַטער איבער דער גאַנצער וועלט, ווערנדיק אויפֿגעפֿירט ניט נאָר אויף יידיש, נאָר אויך אויף די פֿאַרשיידנסטע וועלט-בינעס אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן, אויף וועלכע מען האָט נאָך ביז דאַמאָלט קיינמאָל קיין יידישע פּיעסע ניט געשפּילט.

די אויפֿפֿירונג פֿון „דיבוק" אין וואַרשע [די פּיעסע איז [לויט דניאל לייבעל] מיט אַ קורצער צייט פֿריער אויפֿגעפֿירט געוואָרן אויף יידיש דורכן סטאַניסלאַווער „גאָלדפֿאַדן-פֿאַריין", און האָט אַרויסגערופֿן קעגן זיך אַ פּראָטעסט אין דער וואַרשעווער „אַרבעטער-צייטונג", ווייל די אויפֿפֿירער זיינען אָפּגעטראָטן פֿון אַנ-סקיס טעקסט] האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע דיסקוסיע אין דער יידישער פּרעסע צוליב דעם רעזשיסער הערמאַנס אויסטייטשונג און בינע-באַאַרבעטונג פֿון דער פּיעסע. די דיסקוסיע איז אַריבער די גרענעץ פֿון דער פּרעסע, און ס'איז וועגן דעם דערשינען מ. וואַנווילדס בראָשור „פּסיידאָ-קונסט און פּסיידאָ-קריטיק" לאָדז, 1921 [42 ז. 16°].

אויך זיינען באַלד דערשינען די ניגונים פֿון „דיבוק" [קאָמפּאָנירט דורך דוד בייגעלמאַן, לאָדזש].

דער דערפֿאָלג פֿון דער אויפֿפֿירונג פֿון „דיבוק" האָט זיך באַלד צעטראָגן איבער דער יידישער טעאַטער-וועלט, און אַ קורצע צייט שפּעטער רעזשיסירט הערמאַן די „דיבוק"-אויפֿפֿירונג אין לאָדזש מיט אַ פֿולשטענדיק נייעם פּערסאָנאַל. אַלע אַנדערע טרופּעס קאָפּירן נאָך דיזעלבע אויפֿפֿירונג, ביז אברהם מאָרעווסקי, וועלכער האָט פֿריער געשפּילט דעם „צדיק" אין הערמאַנס אויפֿפֿירונג, גיט אין ווילנע אין מאַי 1921 אַ נייע אויפֿפֿירונג פֿון „דיבוק" [שפּילנדיק לויטן אָריגינאַל, אין 4 אַקטן].

צוליב דער פּאָפּולאַריטעט פֿון „דיבוק" פֿאַרפֿאַסן ב. יאושזאָן און מ. קיפּנים אַ פּאַראָדיע „מיטן כח פֿון דבוק", וועלכע ווערט דעם 3טן אַפּריל 1921 אויפֿגעפֿירט אין וואַרשעווער צענטראַל-טעאַטער.

דעם 1 סעפּטעמבער 1921 ווערט דער „דיבוק“ אויפגעפירט דורך שוואַרץ אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער.

דעם 31טן יאַנואַר 1922 ווערט דער „דיבוק“ אויפגעפירט אויף העברעאיש דורך דער „הבימה“ אין מאָסקווע א״ר פון וואַכטאַנגאָוו, מוזיק פון יואל ענגעל [דערשינען שפּעטער אין פאַרלאַג „יובל“, בערלין].

דעם 29 נאָוו. 1921 ווערט דורך דער „ווילנער טרופּע“ אויפגעפירט א״ר פון ל. קאַדיסאָן אין וואַרשעווער עליזעאום-טעאַטער א.׳ס ניט פאַרענדיקטע דראַמע פון חסידישן לעבן „טאָג און נאַכט“, אין דער באַאַרבעטונג פון זיין נאָענטן פריינט א. קאַציזנע, וועלכער האָט דעם דריטן אַקט פולשטענדיק צוגעשריבן.

דיזעלבע פּיעסע איז דעם 9טן דעצ. 1924 אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרקער „אונזער טעאַטער“ א״ר פון עגאָן ברעכער. די פּיעסע איז דאָ געשפּילט געוואָרן אין דער באַאַרבעטונג פון דוד פּינסקי (ערשטער און דריטער אַקט) און מענדל עלקין, וועלכער האָט צוגעשריבן אַ נייעם צווייטן אַקט, וואָס איז א״נ „סמאַלם ממשלה“ געדרוקט אין „שריפטן“ (8, 6-1925).

דורך די „דיבוק“-אויפפירונגען אין מזרח און מערב-אייראָפּע פון די צעשפּאָלטענע „ווילנער טרופּעס“, איז די פּיעסע זייער פּאָפּולער געוואָרן אויך אין דער ניט-יידישער טעאַטער-וועלט, און אין מערץ 1925 איז אין בערלין אויפגעפירט געוואָרן „דער דבוק“ אויף דייטש א״ר פון בערטאַלד פּיכטעל. די אויפפירונג [לאה האָט געשפּילט גערדאַ מילער] האָט ניט געהאַט קיין דערפאָלג. אַרנאָלד צווייג באַשולדיקט אין דעם די שלעכטע דייטשע איבערזעצונג [וועלכע זאָל זיין — לויט דר. ווייכערט — געמאַכט פון פעליציע נאָסיג, ניט פון יידיש]. אין דער זעלבער צייט איז אין דער ווינער ראָלאַנד-בינע אויפגעפירט געוואָרן דער „דיבוק“ אויף דייטש א״ר פון מאַרהאָלין [אַזוי ווי דער „דיבוק“ איז אויף דייטש ניט געדרוקט, איז מעגלעך, אַז דאָ איז געשפּילט געוואָרן אַן אַנדערע איבערזעצונג ווי אין בערלין].

זומער 1925 איז אין לאָדזשער שטאָט-טעאַטער און דערנאָך אין וואַרשעווער שטאָט-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דער „דיבוק“ אויף פּויליש אין דער איבערזעצונג און א״ר פון מאַרק אַרנשטיין. די הויפּט ראָלן האָבן געשפּילט: צדיק — קאָנסטאַנטין טאַטאַרקעוויטש, לאה — האַלינאַ האַלסקאַ].

אין יוני 1925 איז אין קראַקעווער באַגאַטעלאַ-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן אויף פּויליש דער „דבוק“ פון דער געדרוקטער איבערזעצונג פון מאַקסימיליאַן קאָרען [—רייך ?], וועלכער האָט אויך מיטגעהאָלפן אין דער רעזשי.

אין אָקטאָבער 1925 איז א״ר פון דוד וואַרדי און ה. ג. אַלסבערג אויפגעפירט געוואָרן דער „דיבוק“ [לויט דער רעזשי פון וואַכטאַנגאָוו] אויף ענגליש אין ניו-יאָרקער נייבאָרהוד פּליי-האַוז און שפּעטער אין אַנדערע אַמעריקאַנער שטעט.

אין מערץ 1926 איז אין אַ לעמבערגער אוקראַאיניש טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „דער דיבוק“ אויף אוקראַאיניש. בערך אין דער זעלבער צייט ווערט דורכן „תיאטרון ארץ-ישראלי“ אויפגעפירט אויף העברעאיש א״ר פון מנחם גנעסין [נאָך וואַכטאַנגאָוו] „דער דיבוק“ צום ערשטן מאָל אין ארץ-ישראל. די אויפפירונג האָט אַ גרויסן דערפאָלג, זי רופט אָבער אויך אַרויס אַ געוויסע קעגנערשאַפט, וואָס דריקט זיך אויס אין אַן עפנטלעכן משפּט, וועלכער קומט פאָר כ״ד סיון און ד׳ תמוז תרפ״ו אויפן פּלאַץ פון בית-עם, און די גאַנצע פאַרהאַנדלונג פון משפּט דערשיינט דערנאָך אין אַ ספּעציעלער בראָשור „משפט הדבוק, תל-אביב תר״פו“]102 ז. 32°[, שפּעטער, ווען די „הבימה“ קומט אין ארץ-ישראל, פירט זי ווידער אויף דעם „דיבוק“ און פייערט אין מאַי 1928 אין תל-אביב איר 600טן מאָל שפּילן די פּיעסע.

דעם 4 אַפּריל 1927 איז אין קעניגלעכן טעאַטער אין לאָנדאָן אויפגעפירט געוואָרן „דער דיבוק“ אויף ענגליש.

אין אויגוסט 1927 איז „דער דיבוק“ געשפּילט געוואָרן אין קאָפּענהאַגען אויף דעניש.

אין אָקטאָבער 1927 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אויף שוועדיש (איבערזעצט דורך פרוי ראַפאַעל-לינדען) אין אָסקאַרס טעאַטער אין שטאָקהאָלם א״ר פון ענגלישן טעאַטראַל ראָבערט עטקינס, די הויפּטראָלן זיינען געשפּילט געוואָרן: „צדיק“ — נילס, „לאה“ — אינגאַ טידבלאַד, „חנן“ — עדווין אַדאָלפזאָן.

אין יאַנואַר 1929 איז דער „דיבוק“ אויפגעפירט געוואָרן אויף בולגאַריש אין נאַציאָנאַל טעאַטער אין סאָפיע.

אין די אַלע ערטער האָט די אויפפירונג אַרויסגערופן זייער פּיל גינסטיקע רעצענזיעס אין דער פּרעסע, אָבער די פּיעסע איז אין קיין שום שפּראַך (אַ חוץ אין יידיש און העברעאיש) ניט לאַנג געשפּילט געוואָרן.

נישט קאָנטראָלירטע ידיעות זיינען פאַראַן וועגן „דיבוק“-אויפפירונגען אויף סערביש, (איבערזעצט דורך טאַפּס), פראַנצויזיש (איבערזעצט דורך ל. בלומענפעלד) און יאַפּאַניש.

א.׳ס צווייטע פּיעסע „טאָג און נאַכט“ [אין קאַציזנאַס באַאַרבעטונג] איז אין יולי 1925 אויפגעפירט געוואָרן אויף פּויליש אין לעמבערג א״ר פון קאַראַל אַדוועגטאָוויטש, וועלכער האָט אויך געשפּילט די ראָל „דן“.

אַנ-סקיס אַ „נייע דראַמע“: „די פּעסט“ אין דער באַאַרבעטונג פון אַרנאָ נאַדעל, וואָס איז געווען אַנאָנסירט אויפגעפירט צו ווערן אויף דייטש דורכן נאַציאָנאַל-טעאַטער אין מאַנהיים, איז ניט געשפּילט געוואָרן. די פּיעסע, וועלכע איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן, געשריבן אויף אַ שרייב-מאַשין, פון בינע-פּאַרטריב פּ. שלעסינגער אין בערלין, אָן נאָמען פון באַאַרבעטער, איז פּאַקטיש נאָר [לויט דר. מ. ווייכערט] אַ פולשטענדיק נייע באַאַרבעטונג פון „טאָג און נאַכט“.

לויט ל. קאַדיסאָן האָט א. פאָרגעלייענט פאַר דער „ווילנער טרופּע“ פראַגמענטן פון אַ דראַמע, וועלכע ער האָט גערופן „די מוטער“.

א.׳ס דראַמאַטישע ווערק אויף יידיש זיינען:

ש. אַנ-סקי (שלמה-זנוויל ראַפּאָפּאָרט) געזאַמעלטע שריפטען, צווייטער באַנד. דראַמען, פאַרלאַג „אַנ-סקי“, 1928 [אינהאַלט: „צווישען צוויי וועלטען“ (דער דיבוק), „טאָג און נאַכט“, אַ טראַגעדיע אין דריי אַקטען. צוזאַמען 144 ז. 16°. צו דער לעצטער פּיעסע, פון וועלכער ס׳זיינען דאָ נאָר געדרוקט פראַגמענטן, באַמערקט די רעדאַקציע, אַז „פון דעם דאָזיקן ווערק זיינען פאַרבליבן נאָר איינצלנע פראַגמענטן פון דער ערשטער פעדער. ביים דיכטער איז אָבער דאָס ווערק געווען פאַרטיק אין געדאַנק. מיר האָבן פון דיכטער אַליין געהערט דעם סיפור המעשה. מיר האָבן אויך נאָכקאָנטראָלירט דעם אינהאַלט לויט דער פאַרציילונג פון דיכטערס פריינט, פרוי דר׳ סאָפיא סירקין-בינשטיין, פאַר וועלכער ער האָט די זאַך דערציילט קורץ פאַר זיין טויט. דאָס גיט אונז די מעגלעכקייט פאַנאַנדערצוטיילן די פראַגמענטן לויט זייער סדר און איבערגעבן אין קורצן דעם אינהאַלט פון די ניט אָנגעשריבענע טיילן“.]

ד. ז. דריטער באַנד. קאָמעדיעס. [„פּאָטער און זוהן“ אַ קאָמעדיע אין איין אַקט, „אין אַ קאָנספּיראַטיווער דירה“, אַ קאָמעדיע אין צוויי אַקטען, „דער זיידע“, איינאַקטער [137 ז. 16°].

אויף העברעאיש:

בין שני עולמות (דיבוק) אגדה דרמטית בארבע מערכות, תרגום ח. נ. ביאליק.

[געדרוקט אין „כל כתבי ש. אַנ-סקי, בעריכת ש. ל. ציטרון, חלק ראשון, ווילנה תר״פא, מיט אַ פאָרוואָרט פון ש. ל. ציטראָן].

אויף ענגליש:

THE DYBBUK, A play in four acts by S. Ansky, translated from the original Yiddish by Henry G. Alsberg and Winifred Katzin. Introduction by Gilbert W. Gabriel and a note on Chassidism by Chaim Zhitlowsky. New York, Boni and Liveright, 1926. [145 ז. 16° מיט נאָטן].

אויף פראַנצויזיש:

Le Dibbouk, legende dramatioque en trois actes par An-ski, version Française de Marie-Thérése Koerner.

[מיט אַ הקדמה פון עדמאַנד פלעג. 140 ז. 24°].

אויף רומעניש:

Dybuck, Legendã dramaticã în patru acte de S. An-sky. Tradusã din idis de I. Ludo (P. 109, 24°).

אויף עספּעראַנטאָ:

Š. An-ski, (S. Z. Rappoport) Dibuk (Inter du mondoj) El Juda lingvo tradukis Izrael Lejzerowicz, L. K. Krakow, 1927.

(מיט אַן הקדמה פון דר. לעאָפּאָלד דרעהער, 90 ז. 24°).

אויף פּויליש:

Sz. An-ski, Na pograniczu dwóch swiatów (Dybuk) Przelozyl Maksymilian Koren, Lwów, 1922.

[72 ז. 16°. צום סוף פון בוך זיינען געדרוקט די נאָטן פון די לידער].

אַן איבערזעצונג מיטן זעלבן נאָמען געמאַכט דורך יואל דוד דעמביצער און י. ראַטערסמאַן אין אייגענעם פאַרלאַג [לעמבערג, 1922 מיט קאָמענטאַרן פון דעמביצער (פּסייד. יאָעלאָן).

מ. ע. פון לייב קאַדיסאָן.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 125-141.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ — II, ז. 253 [רשימה פון פּיעסן].

ש. אַנסקי וועגן דעם „דבוק“ „ליט“בל“, 11, 1924.

ר. יוקלסאָן — אַנסקי'ס „טאָג און נאַכט“ ביי די „ווילנער“, „פּרויהייט“, 2 אָקט., 1925.

נ. וויניג — דער „דבוק“ אין קראַקעווער פּוילישן טעאַטער, „ליט“בל“, 65, 1925.

נ. מ. — דער „דבוק“ אין פּויליש, „ליט“בל“ 59, 1925.

הערץ גראָסבאַרד — אַרום דער אויפפירונג פון „דבוק“ אין פּויליש, טעאַטער“] „ליט“בל“ 75, 1925.

דר. מיכאל וויַיכערט — ש. אַנ־סקים „נייע דראַמע“, „ייד. וועלט“, וואַרשע, 1928, 4; זז. 147-160.

דר. מיכאל וויַיכערט — אַנ־סקים „טאָג און נאַכט“ [אין „פּוילישן טעאַטער] „ליט“בל“ 75, 1925.

Arnold Zweig—Juden auf der Deutshen Bühne, Berlin 1928, P. 287-292.

„אונזער טעאַטער“, זשורנאַל געווידמעט דער אידישער טעאַטער־קונסט, פאַרלאַג „אידיש קונסט טעאַטער“, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 1921 [אַנסקי־נומער, געווידמעט דער „דיבוק“־אויפפירונג. אַרטיקלען פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, ש. ראָזענפעלד, מאָרים שוואַרץ, ש. ניגער, דר. קאָראַלניק, וויליאַם עדלין].

י. גרינבוים — דער „דבוק“ אויף דער ענגלישער סצענע [אין לאָנדאָן], „הײנט“, 13 מאַי 1927.

דר. א. מוקדוני — „טעאַטער“, ניו־יאָרק, 1927. זז. 237-245.

מ. וואַנווילד — פּסיידאָ־קונסט און פּסיידאָ־קריטיק, לאָדז, 1921 [42 ז. 16°].

אברהם טייטעלבוים — „טעאַטראַליא“, וואַרשע, 1929. זז. 34-42.

א. אַלפּערין — דער על חטא, „טאָק“, לאָדזש, 4, 1922.

זלמן זילבערצווייג — דער „מחבר פון „דבוק“, „טאָק“, לאָדזש, 4, 1922.

משפט „הדבוק“, דין־וחשבון סטנוגרפי, תל־אביב, תר״פו [102 ז. 32°].

ב. מ. — דער „דבוק“ אויף דער שוועדישער ביהנע“, „אונזער עקספּרעס“, 14 אָקט., 1927, „פרימ.“, ריגע, 4 אָקט., 1927.

וו. נאַטאַנסאָן — ש. אַנ־סקים „טאָג און נאַכט“, „קולטור“, שיקאַגאָ, 10, 12, 1925. 13-14, 1926.

מיכאל וויַיכערט — „טעאַטער און דראַמע“, וואַרשע, 1926, I. זז. 107-121, II. 5, 122, 170.

חיים לייב פוקס — דאָס דינע שנירעלע „טעאַט. און קינא“, לאדזש, 9, 1922.

מ. מ. ראָזנבוים — ווי אַנ־סקי האָט געשריבן זיין קאָמעדיע „אויף אַ קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר“, „ליט“בל“, 7, 1924.

דר. מיכאל וויַיכערט — „הדיבוק“ אין „הבימה“, „ליט“בל“, 97, 1926.

נחמן מייזיל — פון יידישקייט צו טעאַטראַלישקייט, „ליט“בל“, 97, 1926.

אַלטער קאַציזנע — מאָסקווער העברעאישע קונסט, „ליט“בל“, 97, 1926.

א. מארעווסקי — „הדבוק“ ב„נאָוואָשטשי“, „ליט“בל“, 98, 1926.

עמנואל — די ענגלישע דיבוק־אויפפירונג, „מאָמענט“, 13 מאַי, 1927.

ה. ווילטשינסקי — יידיש־פּוילישע איבערזעצונגען „ביכער־וועלט“, 1928, ז. 28.

ש. ל. ציטראָן — „דריי ליטעראַרישע דורות“, III, זז. 85-95.

י. מ. נייטאַן — נאָך דער ערשטער אויפפירונג פון „דבוק“ אין „הבימה“, „הײנט“, 3 מערץ, 1926.

שכנא עפּשטיין — דער „דבוק“ מוז אַרויסגעטריבן ווערן פון דער אידישער ליטעראַטור און פון אידישן טעאַטער, „פרייהייט“, 28 מערץ, 1926.

ב. ש. — „דבוק“ פון ש. אַנ־סקי אין שטאָט־טעאַטער (אין פּויליש), „ליט“בל“, 2 אַפּריל, 1926.

טל. — אַנ־סקי'ס דיבוק אין נייבאָרהוד פּליי־האַוז (ענגליש) „פאַרבאַנד“, נ. י., 21, 1926.

אב. קאַהאַן — אַנסקי'ס „דער דיבוק“ אויף ענגליש, „פאָרוו.“, 22 יאַנואַר, 1926.

וו. לאַצקי־בערטאָלדי — אויף אַ דיבוק־פאָרשטעלונג אין ריגער נייעם אידישן טעאַטער, „פרימ.“ 31 דעצ. 1926.

ל. מלאך — בלוטן מיש (וועגן אַנסקי־קאַציזנעס „טאָג און נאַכט“ אין „אידעאַל“), „פּרעסע“, ב. א. 22 אויג. 1926.

יצחק קאַצענעלסאָן — דער מענש וואָס איז אַריין אין דעם דבוק, „לא“טבל“, 23 אַפּריל, 1926.

דר. א. קאָראַלניק — „דבוק“ אַ מאָנומענט, „טאָג“, 18 דעצ., 1926.

ב. קארלינויס — „הדבוק“, אויפגעפירט פון הבימה טעאַטער, „מאָמ.“, 3, 4, מערץ, 1926.

יעקב באַטאשאַנסקי — די אויסטייטשונג פון „טאָג און נאַכט“, „פּרעסע“ ב. א., 22 אויג., 1926.

משה שאַליט — נייע פּרטים וועגן י. ל. פּרץ, „ליט“בל“, 17-18, 1929.

יצחק קאַצענעלסאָן — שטיקער לייב פון וואַכטאַנגאָוום „דבוק“, „נפ“בל“, 9 אַפּריל 1926.

דר. גרשון לעווין — זכרונות וועגן ש. אַנסקין. „ליט“בל“ 48, 1929.

Recht, Charles. The Hebrew theatre in Moscow. (Menorah journal, New York, June 1923. v. 9, p. 124-127.)

Samuel, Maurice. The dybbuk, in three languages and four dimensions. (Menorah Journal. New York, Feb. 1927. v. 13, p. 63-67.)

Powys, John Cowper. A modern mystery play. (Menorah Journal). New York, Aug. 1927. v. 13, p. 361-365.)

Times Literary Supplement. London, May 19, 1927. p. 350.

Alsberg, Henry G. (B'nai B'rith Magazine. Chicago, 1926. v. 40, p. 120-121, 133.)

Morrow, Anne. (Woman citizen. New York, Feb. 1926. v. 10, p. 16, 39.)

Catholic World. New York, 1926. v. 122 p. 665-667.)

Era. London, April 13, 1927. v. 90, p. 9.

Kalonyme, Louis. (Arts and decoration. New York, 1926. v. 24, no. 4, p. 66, 82.)

Glassman, L. M. The apocalypse of the Ghetto. (Jewish Forum. New York, June 1927. v. 10, no. 6, p. 295-298.)

Coralnik, A. Fairy tale to myth. (New Palestine. New York, Dec. 17, 1926. v. 11, no. 21, p. 440-441.)

Walker, Helen. (Commonwealth. New York, 1925. v. 3, p. 215-216.)

Jewish Chronicle. London, March 11, 1927. p. 44.

Country life. London, April 16, 1927. v. 61, p. 610-611.

[די ענגלישע ביבליאָגראַפיע אָנגעגעבן פון דער יידישער אָפּטיילונג פון דער פּאָבליק לייברערי, 42טע סטריט, ניו־יאָרק.]

אָסטראָף, אָסקאַר

[יהושע אָסטריצקי]

געב. 28 יולי 1904 אין קעשעניעוו, בעסאַ־ראַביע, אין אַ פרומער משפחה. דער פאָ־טער אַ תבואה־הענדלער. געלערנט אין חדר און דערנאָך אין תלמוד תורה. דער אויבער־קאַנטאָר פון דער כאָר־שול, קילימניק, נעמט אים אַריין אין כאָר אַלס „אַלט" און אַלס 11־יאָריק יינגל זינגט ער אין דער אָפּערעטע „די נשמה פון מיין פאָלק" אין ליבערט־זאַ־סלאַווסקיס טרופּע. שפּעטער שפּילט ער מיט „ליבהאָבער" די ראָל „ישראליק" אין „פינטע־לע ייד".

אין 1918, ווען חיים מאיר סעגאַלעסקאָ קומט גאַסטראָלירן אין קעשעניעוו, און שטעלט צונויף אַ טרופּע פון „ליבהאָבער", נעמט ער אים אַריין אַלס קינדער־ראָליסט, און זינגער אין כאָר, שפּעטער אַלס סופלער. אין 1919 בעת דעם טורנע פון דער טרופּע פונקציאָ־נירט ער ביי געלעגנהייטן אַלס דיריגענט.

שפּעטער שפּילט ער אין זינגערס טרופּע אין יאַסי, דערנאָך אין קלאַראַ יאַנגס טרופּע. אין 1921 ווערט ער אַנגאַזשירט אין מישע פּישזאָנס „יידישעם מוסטער און קונסט־טעאַטער", און אין אָק־טאָבער 1923 קומט ער קיין אַמעריקע, וואו ער שפּילט און סופלירט אין מעקינלי־טעאַטער אין בראָנקס, מיט קלאַראַ יאַנג איבער דער פּראָווינץ און אין האָפּקינסאָן טעאַטער אין בראַנזוויל.

אין 1924־5 איז ער אַנגאַזשירט אין דעטראָיט אַלס סופלער און סטיידזש־מענעדזשער אין מישע פּישזאָן און משה שאָרס טעאַטער.

אין 1925־6 אין דעטראָיט אונטער מישע פּישזאָן און ליטמאַנס דירעקציע, אין 1926־8 אונטער ליטמאַן, און 1928־9 אונטער סעם אויערבאַכס דירעקציע.

דעם 8טן אָקטאָבער 1926 ווערט זיין פּיעסע א"נ „ווען דו גלויבסט" אויפגעפירט אונטער לואי בירנבוים רעזשי אין דעטראָיט.

ש. ע.

אָסקאַר, יוליוס

[אייזענבעט]

אין 1865 געענדיקט בענטשינסקיס פּוילישע דראַמאַטישע שול, און פון 1870 הויבט ער אָן שפּילן אויף דער פּוילישער בינע (לובלין, לאָדזש א. א. שטעט), אַרום 1880 שפּילט א. אויף דער דייטשער בינע, אַ געוויסע צייט צוזאַמען מיטן באַרימטן לודוויג באַרניי. אין 1890 טרעט ער צו צום יידישן טעאַטער, אַ געוויסע צייט פאָרט ער אַרום אויף דער פּראָווינץ מיט די אַקטיאָרן ספּיוואַקאָווסקי, וויינשטיין און די טאַנצמאַנס. אין 1892 ווערט ער רעזשיסער פון „דייטש־יידישן" טעאַטער אונטער אַל־גינסקאַיאַס דירעקציע אין עלדאָראַדאָ, און פירט דער ערשטער אַרויס אויף דער בינע רחל האַלפּערן (שפּעטער אסתר רחל קאַ־מינסקי). אין 1892 טרעט ער אויף אַלס „אַקאָסטאַ" אין פּישזאָן־ספּיוואַקאָווסקיס טרופּע אין וואַרשע, דערנאָך פאָרט ער אייניקע יאָר אַרום אַלס רעזשיסער מיט קאַמינסקי און סעם אַדלער, שפּילנ־דיק דראַמאַטישע און כאַראַקטער־ראָלן אויף דייטש, דורך וואָס ער ראַטעוועט אָפט דאָס טעאַטער פון די פּאָליצייאישע גזרות קעגן יידיש.

אין 1909 קערט זיך א. אום צוריק צו דער דייטשער בינע, דאַן אַ געוויסע צייט ביי דער פּוילישער, און ווידער צוריק צו דער יידישער בינע.

בעתן אויסבראָך פון דער מלחמה האָט א. געשפּילט אין קאַמינ־סקיס טעאַטער אין וואַרשע „פראַנץ מאָר" אין שילערס „רויבער". אין 1916־7 וואַנדערט ער אַרום מיט אייזיקאָוויטשעס טרופּע אי־בער דער פּראָווינץ, און אַזוי ווי צוליבן עלטער באַקומט ער מער ניט קיין סטאַבילן אַנגאַזשמענט אין אַ פּראָפעסיאָנעל טעאַטער, ווערט ער רעזשיסער אין דראַמאַטישע קרייזן, טרעט אַרויס אַלס דעקלאַמאַטאָר אויף אָוונטן, שפּילנדיק אויך פון צייט צו צייט קלענערע ראָלן אויף פאַרשיידענע בינעס. אַזוי האָט ער אין דער פּוילישער אויפפירונג פון „דבוק" געשפּילט אַ „בטלן", און קליי־נע ראָלן אין די פילם־אויפפירונגען פון „תקיעת כף" און „למד־וניק".

א. האָט דערצויגן אַ גרויסן טייל פון דער יידישער אַרטיסטן־משפחה אין אייראָפּע.

יצחק ב. טורקאָוו — דער עלטסטער יידישער אַקטיאָר, „ליט"בל", וואַר־שע, 102, 1926.

אסתר רחל קאַמינסקי — מיין לעבען (זכרונות), „מאָמ.", וואַרשע, 22 סעפּט. 8 אָקט., 1926.

זלמן זילבערצווייג — עפּיזאָדן פונם אַלטן יידישן טעאַטער, „טעאַט"צט", וואַרשע (10) 3, 1929.

זיגמונט טורקאָוו — עמעריטן, „ליט"בל", וואַרשע, 43־40, 1929.

ז. זילבערצווייג — טשיקאַווע מעשיות פון דעם אַמאָליגען אידישען טעאַטער, „פאָרוו.", 13 אָקט. 1929.

מ. מיאָדאָווניק — מיינע טעאַטער זיכרוינעס, „דער שטערן", מינסק 4, 1926, ז. 36.

אָפּאַטאָשו, יוסף

[יוסף אָפּאַטאָווסקי]

געב. 1 יאַנ. 1887 אין מלאַווע, פּלאָצקער גוב., פּוילן. פאָטער א וואַלד-סוחר (די פאַמיליע פירט איר יחוס פון תוספות יום-טוב), א ייד א למדן, איינער פון די ערשטע משכילים אין פּוילן, געשריבן שירים אויף העברעאיש. פון 10 ביז 12 יאָר באַזוכט די מלוכהשע פאָלקס-שול אין מלאַווע, געלערנט ביים פאָטער. צו 14 יאָר אָנגעקומען אין א האַנדלס-שול אין וואַרשע. סוף 1905 אַוועק קיין פּאַריז, דערנאָך אָנגעקומען אין פּאָליטעכניקום אין נאַנסי, אָבער אין עטלעכע חדשים אַרום צוריקגעקומען קיין מלאַווע, אָנגעהויבן שרייבן, און זיך באַקענט מיט פּרץ. מערץ 1907 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער אַרבעט אייניקע וואָכן אין א פאַבריק, טראָגט פּאַקנאַנדער ענגלישע צייטונגען, ווערט א העברעאישער לערער, ענדיקט אין 1914 זיין סטודיום אַלס ציוויל-אינזשינער, פאַרנעמט זיך אָבער נאָר א קורצע צייט מיטן פאַך און ווידמעט זיך דער ליטעראַטור.

אין „צוקונפט“ 1920 פאַרעפנטלעכט פראַגמענטן פון א דראַמע „ביים טויטן בעט“, אין „צוקונפט“, מערץ 1922 פאַרעפנטלעכט אַן איינאַקטער „אין סאַלאָן“, און ווען א. באַזוכט 1922 פּוילן, באַאַרבעט ער דעם מאַטעריאַל פאַר א דריי אַקטיקע דראַמע „היים בלוט“, וועלכע ווערט דעם 25טן אָקטאָבער 1922 אויפגעפירט אין צענטראַל-טעאַטער אין וואַרשע (רעזשי זיגמונט טורקאָוו).

אין זעלבן יאָר איז דורך „ליבהאָבער“ אויפגעפירט געוואָרן אין פּוילן א דראַמאַטיזאַציע פון אָ.ס „ראָמאַן פון א פערד-גנב“.

אין דעצעמבער 1928 ווערט אין וואַרשע דורך דער געזעלשאַפט „פאָרבערט-פילם“ אונטער דער רעזשי פון יאַנאַס טורקאָוו אויפגעפירט א פילם פון א.ס ראָמאַן „די פּוילישע וועלדער“ מיטן אַנטייל פון יידישע און באַקאַנטע פּוילישע אַקטיאָרן. דערזעלבער ראָמאַן איז אין דער דראַמאַטיזאַציע פון יעקב וואַקסמאַן אויפגעפירט געוואָרן 1928 אין לובלין.

מ. ע.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, I, זז. 145-51.

א. לערמאַן — „היים בלוט“, „טעאַטער און קינאָ“, לאָדז, 5, 1922.

מאַקס געלער — אָפּאַטאָשוס „פּוילישע וועלדער“ אויפ׳ן עקראַן, „נפ“צט“, וואַרשע, 16 יאַנ. 1929.

זישע קאַץ — אַ סענסאַציע צווישען די חסידים אין פּוילען צוליב אַ מואווינג פּיקטשור. „פאָרוו.“, 12 אַפּריל, 1929.

אַפּאַטהעקער, דוד

[געב. 28 אויגוסט 1855 — געשט. 18 אָקט. 1911]

געב. 28 אויג. 1855 אין פּאָניעוועזש, קאָוונער געגנט, ליטע, אַלס זון פון אַן אָנגעזעענעם משכיל אין שטאָט. צו 8 יאָר געבליבן אַ יתום, און צוליב דער שטיפמוטער געוועזן געצוואונגען צו פאַרלאָזן די היים. צו 10 יאָר אַוועק קיין ווילקאָמיר, וואו ער איז געווען אַ תלמיד אין דער ישיבה פון משה לייב ליליענבלום. צו 16 יאָר גיט א. שטונדן אויף העברעאיש, רוסיש און דייטש, און שרייבט זייער פיל אין העברעאיש. אין 1877 איז א. א פרייער צוהערער אין קיעווער אוניווערסיטעט, און ווערט אַריינגעצויגן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. 1879 ווערט א. אַרעסטירט אַלס „ניהיליסט“, און פאַרמשפּט פאַרשיקט צו ווערן, אַנטלויפט ער און באַזעצט זיך אין טשערנאָוויץ, וואו ער עפנט א בוכהאַנדלונג, און אין 1881 גיט ער אַרויס זיין ערשט ווערק א“נ: „הנבל — די לייער — צעהן שאָנע פאָלקסליעדער איבער דיא וויכטיגסטע פראַגען דער יודען, אויף העברעאיש אונד יודיש-דייטש מיט זעהר שאָנע מעלאָדיען“. אין 1886 אָדער 1888 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע מיטן ציל דאָרט צו גרינדן א קאָמוניסטישע קאָלאָניע, און ווען דאָס גיט זיך אים ניט איין, גרינדעט ער אין ברוקלין א שאָפּ פון דאַמענקליידער אויף קאָמוניסטישע יסודות. ווען די קאָמונע צעפאַלט זיך נאָך 3 יאָר, עפנט ער אַ דרוקעריי אין בראָנזוויל, און הויבט אָן אַרויסצוגעבן הומאָריסטיש-סאַטירישע בלעטער. דאַן טראָגט ער זיך איבער קיין פילאַדעלפיע, וואו ער גרינדעט א וואָכנבלאַט, גרינדעט דראַמאַטישע פאַריינען און ווען ער טראָגט זיך איבער אין 1909 קיין ניו-יאָרק, רעדאַקטירט ער דאָ „דיא אידישע ביהנע“.

אַ. האָט איבערגעלאָזט אין מאַנוסקריפּט פאָלגנדיקע פּיעסן, דראַמען, קאָמעדיעס און וואָדעווילן: „די שטומע כלה“, „דער גרצדק אָדער גראַף פּאָטאָצקי“, (1889), „דער וועלט-טרוים אָדער די דריי ברידער“, „דער עוויגער יודע אָדער דער אָרימער מיליאָנער“ מיט לידער און קופּלעטן (1890), „שמשון הגבור“ (באַאַרבעט פון דייטש), „ציון“, „דער ניהיליסט“ (1892), „אין פּריזאָן“ (1895). „יאַנקל“ (אַ קאָמעדיע — אַ טרוים) (1909), „די רוסישע קוטשמע“ (1909), „גייסטער“ (1910), „אין אַ שוואַכן מאָמענט“ (1911).

קיין איינע פון די דאָזיקע פּיעסן איז אָבער ניט אויפגעפירט געוואָרן אויף דער פּראָפעסיאָנעלער בינע, בלויז דורך „ליבהאָבער“ זיינען אין פאַרשיידענע צייטן אויפגעפירט געוואָרן זיינע פּיעסן „דער לעצטער סטרייק“, „משיחס צייטן“, „גימפּעלס סדר“, „דער אַנאַרכיסט“, א. א.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, I, זז. 151-5

ב. גאָרין — „געש. איד טעאַט.“, II, ז. 66.

דר. יעקב שאַצקי — רעצענזיעס, „פּנקס“, נ. י. 3, זז. 284-5.

אַפּטייקער, סאָפיא

[שרה פריינד]

געבוירן 27 יולי 1885 אין הרובישאָוו, פּוילן עלטערן — שענק-באַזיצער. אין עלטער פון 15 יאָר געקומען אין לאָדזש און אין 1907 אַריינגעטראָטן אין טשענסטאָכאָוו אין דער קאָאָפּעראַטיווער טרופּע א“פ פ.ן באָרדאָ און אַנטאָוויל, דערנאָך געפאָרן שפּילן קיין קאַנאַטאָפּ, קיעווער גוב. 1909 — אַרומגעפאָרן איבער פּוילן מיט א קאָאָפּעראַטיווער טרופּע און 1911-15 — איבער פּוילן מיט קופּערמאַנס טרופּע, 1915 — געשפּילט אין לאָדזשער טאַליא און גרויסן טעאַטער א“ד מ. ד. וואַקסמאַן און דערנאָך איבער דער פּראָווינץ. 1920 — געקומען אין אַמעריקע און דאָ זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע טרופּעס איבער דער פּראָווינץ, 1928-30 — געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער „קאָאָפּעראַטיווער איראַפּעאישער [ניט-יוניע] טרופּע“ אין ניו-יאָרק.

אַמפּלואַ — מוטער-ראָליסטין.

ש. ע. פון י. מ. פּליאַט.

אַפּעל, איזידאָר

[יאַפּקאָ]

[געב... — געשט. 31 נאָוו. 1908]

געב. אין ראַדאָמסק, פּוילן, ביי עלטערן — ליכטמאַכער. געוועזן אַ משורר ביי אַ חזן. דערנאָך אַרומגעפאָרן מיט אַ חזן, און שפּעטער מיט יידישע אַקטיאָרן.

אין 1896 ברייננגט אים אַ שוואָגער קיין ניו-יאָרק פון וואַנען ער מאַכט אַ טורנעע איבער קאַנאַדע, און דערנאָך טרעט ער אַריין אין יידישן וואָדעוויל-טעאַטער אין ניו יאָרק, וואו ער האָט חתונה מיט דער אַקטריסע אַננאַ בערקאָוויטש (שפּעטער אַפּעל).

א. איז געווען פאַררעכנט אַלס איינער פון די בעסטע יידישע כאַראַקטער-שוישפּילער אין זיין צייט, און נאָר צוליב די דאַמאָלסטדיקע שוועריגקייטן צו ווערן אַ מיטגליד אין דער לעגיטימער אַקטיאָרן-יוניע, איז ער געווען געצוואונגען צו בלייבן שפּילן אין די יידישע וואַריעטע-טעאַטערס.

דעם 31טן נאָוועמבער 1908 איז ער געשטאָרבן אין דענווער, קאָלאָראַדאָ, און זיין פרוי האָט אים געבראַכט צו קבורה אין ניו יאָרק אויפן באַראָן הירש בית-עולם אין סטעטען איילענד.

א. האָט איבערגעלאָזט אַ טאָכטער, וואָס שפּילט פון צייט צו צייט אויף דער ענגלישער בינע.

מ. ע. פון אַננאַ אַפּעל און יצחק לעש.

אַפּעל, אַננאַ

[בערקאָוויטש]

געב. 1 מאַי, 1888, אין בוקאַרעסט, רומעניע. עלטערן — באַזיצער פון אַ האָטעל. לערנט אין גימנאַזיע, און ביי פּריוואַטע לערער — יידיש.

אַזוי ווי אַקטיאָרן פלעגן צו זיי פאָרפאָרן, האָט זי זיך נאָך אין איר פריער יוגנט אָנגעזען מיט טעאַטער, פלעגט נאָכמאַכן די אַקטיאָרן און נאָכזינגען, אַזוי, אַז מ׳האָט זי גערופן די „קונצנמאַכערין“.

אין 1902 עמיגרירט זי מיט איר מוטער קיין מאָנטרעאַל, קאַנ., און אין עלטער פון 14 יאָר טרעט זי אַריין אין אַ דראַמאַטישן קלאָב פון ליבהאָבער. שפּעטער הויבט זי אָן שפּילן אין וואָדעוויל. די אַקטריסע פעני שוואַרץ זעט זי שפּילן, און נעמט זי אַריין אין דער טרופּע אין וועלכער זי שפּילט. א.׳ס פאַמיליע נעמט די בשורה אויף מיט קנאַפּער צופרידנקייט, מ׳זעצט זיך אפילו — ווי זי גיט איבער — שבעה נאָך איר. אין דער טרופּע באַקענט זי זיך מיטן אַקטיאָר אַפּעל. זי ווערט אַ סובּרעטין, און שפּעטער הויבט זי אָן שפּילן ראָלן פון גראַנד-דאַמעס. 14 יאָר איז זי דאַן צוזאַמען מיט אַפּעלן אין וואַריעטע-טעאַטער, דאַן 1 סעזאָן ביי געביל און אַ סעזאָן מיט אַדלער. ווען שניצער גרינדעט דאָס קונסט-טעאַטער איז א. איינע פון די ערשטע אין דער טרופּע. שפּעטער טרעט זי אַריין אין שוואַרצס ניי געגרינדעטן קונסט-טעאַטער. אין דעם דאָזיקן טעאַטער שפּילט זי ביז 1928. אין 1928-9 הויבט זי אָן שפּילן אין פאָלקס-טעאַטער און

גייט צייטווייליק איבער אויף דער ענגלישער בינע (קאָמעדיע „פּאָפּאַ“), 1929-30 — אין יידישן קונסט-טעאַטער.

מ. ע.

דר. א. מוקדוני — אַננאַ אַפּעל, „טעאַטער“, ניו יאָרק, 1927, זז. 6־120

אַננאַ אַפּעל — מיין בעסטע ראָל — „מרס. וואָרענס“, „מאָ״זש“, 13 אָקט., 1922.

אוריאל מזיק — בילדער-גאַלעריע פון אונזערע אידישע שוישפּילער, „דער טאָג“, נ. י. 11 מאַי, 1918.

אַננאַ אַפּעל — איך און דאָס פּובליקום, „דער טאָג“ נ. י., 2 מערץ 1928.

יעקב מעסטעל — ווער זיינען די קינסטלער פון דעם ניו-יאָרקער אידישען קונסט-טהעאַטער ?, „די צייט“, לאָנדאָן, אַפּריל 1924.

אַפּעל, מאָרים

[אַפּעלאָויג]

געב. 26 יולי 1894 אין וואַרשע, פּוילן. געלערנט אין מייזעלס שול. אַלס קינד געזונגען ביי חזנים און זיך באַטייליקט אין קאָנצערטן. אין עלטער פון 13 יאָר געשפּילט אין די קינדער-פאָרשטעלונגען פון „שולמית“ („ציגנעטאַנג“) און „בר כוכבא“ („פּאַפּוס“) אונטער דער רעזשי פון אַקטיאָר פיינשטיין אין וואַרשעווער עליזעאום-טעאַטער, און אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער.

אין עלטער פון 17 יאָר פאַרלאָזט די היים, אַוועק מיט אַ טרופּע איבער רוסלאַנד, וואו ער שפּילט זייט דאַמאָלט אין פאַרשיידענע טרופּעס ביז 1915, ווען ער ווערט גענומען אין דער מלחמה. אין 1919 ווערט א. באַפרייט פון קריגס-געפאַנגענשאַפט און קומט צוריק קיין רוסלאַנד, וואו ס׳איז אָבער אוממעגלעך צו שפּילן יידיש טעאַטער צוליב די פּאָגראָמען, און ער וואַנדערט מיט אַ טרופּע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פון דאָרט קיין ווין, וואו עס ווערן געשפּילט אייניקע פאָרשטעלונגען, וועלכע מוזן אָבער איבערגעריסן ווערן צוליב טיפוס. דערנאָך וואַנדערט ער אויך מיט אַ טרופּע קיין טשעכאָ-סלאָוואַקיע, וואו זיי שפּילן יידיש טעאַטער ביי די ערגסטע באַדינגונגען, פון דאָרט פאָרט ער קיין דייטשלאַנד, און נאָכן שפּילן אין אייניקע שטעט, ווערט ער אַנגאַזשירט קיין פּאַריז צו בלומענטאַלן, דאַן קיין בעלגיע און ווידער פּאַריז, פון וואַנען ער קומט אין 1927 קיין אַמעריקע און שפּילט דעם סעזאָן אין נואַרק ביי עלווינגן.

אַמפּלואַ — ליבהאָבער.

ש. ע.

אַפּעלבוים, מישאַ

געב. אין בריסט-ליטאָווסק, פּויליש-ליטע, פאָטער — אַ שניידער. געלערנט אין חדר ביז 11 יאָר, דערנאָך אין אַ פּריוואַט-שול, און ווען די עלטערן טראָגן זיך איבער קיין אדעס, וואו זיי עפענען אַ געשעפט פון שניידער-צוטאַטן, טרעט ער אַריין אין גימנאַזיע.

באַקאַנטע נעמען אים אַריין אין אַ דראַמאַטישן קרייז, וואָס פירט אויף אין אָדעס „גאָט מענטש און טייוול“, אין וועלכן ער באַקומט די ראָל „אוריאל מזיק“. דער דראַמאַטישער קרייז פאָרט דאַן אַרום איבער דער פּראָווינץ מיט נאָך

איינציקע פיעסן. מישוראט אנגאזשירט אים אין זיין פראפעסיאנעלער טרופע, וואו ער שפילט צוערשט דראמאטישע און דערנאך געזאנגס־ראלן. שפעטער שפילט א. אין די טרופעס פון קאריק, געגפער און קאמפאנעיעץ (ווארשעווער עליזעאום). פון דארט אנגאזשירט אים ראפעל קיין אדעס, און דערנאך קערט ער זיך אום צוריק קיין ווארשע אין עליזעאום, וואו ער טרעט אויף אין מאדערנעם אפערעטן־רעפערטואר. דא ווערט ער אנגאזשירט צו פישזאן אין אדעס, באטייליקט זיך אלס סאלדאט אין דער מלחמה, ווערט פארוואונדעט און נאך זיין באפרייען זיך פון דינסט, טרעט ער אריין צו ליפאווסקין אין כארקאוו, פארט ארום 6 יאר מיט יידישע פאלקס־לידער, באטייליקט זיך אין דער עקספעדיציע מיט קיסעלדארף, זינגט אריין די לידער פארן יידישן עטנאגראפישן מוזיי. במשך פון דער דאזיקער צייט שפילט ער אויך אין דער רוסישער אפערע און אפערעטע. אין 1926 קאנצערטירט ער אין ריגע און בערלין, שפילט יידיש אין פאריז און פארט אפ קיין ארגענטינע וואו ער שפילט 10 חדשים, פון דארט ווערט ער אנגאזשירט פארן פאבליק־טעאטער אין ניו־יארק, וואו ער שפילט א קורצע צייט און פארט צוריק קיין אייראפע; שפילט אין פאריז, ריגע, בערלין און דעם סעזאן 1928־9 אין פאריזער פאליע דראמאטיק.

מ. ע.

אפעלבוים, ראזאליא

[שיינע רחל וויינשטיין]

געב. אין אדעס, געענדיקט שפענצערס גימנאזיע. אנגעהויבן שפילן אין פרץ הירשביינס טרופע, וואו זי באטייליקט זיך אנדערהאלבן יאר. האט שפעטער חתונה מיטן אקטיאר מישע אפעלבוים, און מאכט מיט אים דורך די גאנצע וואנדערשאפט איבער אייראפע, דרום־און צפון־אמעריקע. אין סעזאן 1928-9 שפילט זי אין פאריזער פאליע דראמאטיק.

אמפלוא — סוברעטין.

מ. ע.

אפפערמאן, פאלינא

[פערל]

געב. 7 מערץ 1894 אין ווארשע, פוילן. עלטערן — פאבריקאנטן פון דאמען־ און קינדער־קאסטיומען. געלערנט אין א חדר און אין א שול.

אין די שבתים באזוכט זי דאס יידישע טעאטער און באקומט א נייגונג צו דער בינע. באזיצנדיק א שיינע שטים באטייליקט זי זיך איינמאל אין כאר פון „דר. אלמאסאדא“, אבער מען פארמסרט זי פאר אירע עלטערן, וועלכע שניידן איר דערפאר אפ די צעפ. ווען בעתן פאגראם אין ווארשע ווערט זייער מאגאזין צעראבירט, וואנדערט די פאמיליע אוים אין 1906 קיין אמעריקע. דא ארבעט א. אין א שאפ פון פרויען־וועש, און אין די אוונטן באטייליקט זי זיך אין די ליטעראריש־דראמאטישע קלאבס צוזאמען מיט יחיאל גאלדשמידט. פון דארט גייט זי איבער אלס פראפעסיאנאליסטקע אין וואדעוויל. צוויי יאר שפעטער ווערט זי דורכן מענעדזשער סילווער אנגאזשירט אויף א סעזאן קיין מאנטרעאל, דערנאך צו

איינצלנע סעזאנען אין דעטראיט מיט אבראמאוון, דענווער מיט דזשוליוס נאטאנסאנען, וויניפעג מיט גראסמאנען, ווידער דענווער מיט דזשוליוס נאטאנסאן (זייענדיק א שטיקל פארטנערין אין טעאטער), 3 יאר אין שיקאגא ביי אדאלף גערטנער, צו איינצלנע סעזאנען אין מינעאפאליס, שיקאגא (גערטנער), מינעאפאליס, ליבערטי־טעאטער אין ניו־יארק, א זומער מיט ליליען אין ליפצין־טעאטער, 3 יאר אין ברוקלין־טעאטער ביי ליליען, צו איינצלנע סעזאנען אין גרענד־טעאטער, האפקינסאן, געביל, 2 סעזאנען אין נוארק ביי עלווינג, 1927־8 אין שיקאגא ביי עליאס גליקמאן און אין 1928־9 אין קאליפארניע.

אמפלוא — דראמאטיסטין און פרימאדאנע.

מ. ע.

ב. באטווינִיק — יונגע טאלאנטען אויף דער אידישער ביהנע, „פארוו.“, ניו־יארק, 18 דעצ., 1918.

אפרת, ניקאליי

[געב.... — געשט. 6 אקטאבער 1923]

האט פארנומען אן אנגעזעען ארט אין דער רוסישער טעאטער־קריטיק, באהאנדלענדיק דאס טעאטער אלס א באזונדערע קונסט מיט אירע אייגענע פרינציפן.

אנגעהויבן זיין ליטערארישע טעטיקייט האט א. אלס איבערזעצער פון טעאטער־ליטעראטור בכלל און דראמע בפרט, צ.א. האט א. איבערזעצט אויף רוסיש איינציקע פיעסן פון יעקב גארדין. אין די לעצטע יארן האט א., וועלכער האט פארפאסט בשותפות מיט פראפ. אקללאש „די געשיכטע פון רוסישן טעאטער“, און אליין „די געשיכטע פון מאסקווער קונסט־טעאטער“ לכבוד דעם 25־יאריקן יובילעי, זיך פארינטערעסירט מיט יידישע טעאטער־פראגן. אין 1917 איז א. באשטימט געווארן אלס רעדאקטאר פון דער טעאטער־אפטיילונג אין א קינסטלערישן אלמאנאך אויף יידיש, וועלכער האט געזאלט דערשיינען אונטער דער מיטרעדאקציע פון ש. ניגער און טשייקאוו.

א. איז דעם 6טן אקטאבער 1923 געשטארבן אין מאסקווע.

ניקאלאי אפרת (נעקראלאג) „טעאליט“ 3, 1924.

אקסעלראד, אברהם

[אברהם יצחק]

[געב. 20 יולי 1858 — געשט. 11 נאוו. 1925]

געב. תשעה באב (20 יולי) 1858 אין יאסי, רומעניע. פאטער — א פרומער ייד, אן אנגעזעענער סוחר, פון די חשובסטע בעלי־הבתים, האט געהאט 9 טעכטער און איין זון, וועלכער איז דעריבער געווען ביי אים זייער אפגעהיט.

א. האט געלערנט אין חדרים און אויך באקומען אלגעמיינע בילדונג. ווען ער איז נאך געווען א יונג בחורל, איז אנגעקומען קיין יאסי הורוויץ מיט א טרופע, און אזוי ווי אין קליינגעלט האט א. קיינמאל ניט געפילט קיין מאנגל, האט ער נאכט־ביי־נאכט באזוכט די פארשטעלונגען פון דער טרופע. ער האט זיך אנגעהויבן חברן מיט די אקטיארן און פון גרוים ליבשאפט צו דער בינע, פלעגט ער סטאטיסטירן, אויפהייבן דעם פארהאנג און גיין א שליחות.

אויסער דער בינע גופא האָט אים שטאַרק צוגעצויגן אַ יונג שיין מיידל, אַ מיטגליד פון דער טרופּע, אָבער זיין פאָטער האָט געהאַלטן פאַר אַ שטאַרקן פּחיתת־הכבוד זיין נאָנטקייט מיט די „קאָמעדיאַנשטשיקעס“, און איין מאָל ווען ער האָט געטראָפן זיין זון צוזאַמען מיט די אַקטיאָרן, האָט ער אים מכבד געווען מיט אַ פּאָטערלעכן מתנת־יד.

א. האָט דאָס ניט געקאָנט מוחל זיין זיין פאָטער און צוליב בושה האָט ער באַשלאָסן מער ניט אַהיימצוקומען.

אַזוי ווי די טרופּע איז גראַד באַלד נאָכדעם אַוועקגעפאָרן פון יאַסי, איז ער מיט איר מיטגעפאָרן, און אָנגעהויבן דאָרט שפּילן צוזאַמען מיט אבא שיינגאָלד, ראָזאַ פרידמאַן און יחיאל בערקאָוויטש.

אַ. האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אַלס אַ פעאיקער כאַראַקטער־ראָליסט, און שפּעטער אַלס כאַראַקטער־קאָמיקער.

קומענדיק קיין בוקאַרעסט האָט ער זיך באַקענט מיט דער כאָריסטקע אַנעטאַ ברענער, און מיט איר חתונה געהאַט. נאָכדעם ווי זיי האָבן געבוירן 2 קינדער, האָבן זיי זיך געגט, און א. האָט חתונה געהאַט מיט רחל מאַרגולעס.

איצט ווערט ער אַליין דירעקטאָר, און באַקומענדיק פון דער עסטרייכישער רעגירונג אַ קאָנצעסיע אויף יידיש טעאַטער, מאַכט ער זייער גוטע געשעפטן. א דאַנק זיין סאָלידער אויפפירונג האָט ער זיך דערוואָרבן אַ זייער גוטן נאָמען ביים פּובליקום, און ביי דער מאַכט, און מיט דער הילף פון דעפּוטאַט דר. בעני שטרויכער, האָט ער אַפילו באַקומען פון דער טשערנאָוויצער שטאָט־רעגירונג אַ יאָרלעכע סובסידיע פאַר זיין טעאַטער.

א. האָט יאָרן לאַנג געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער יידישער טעאַטער־וועלט, ווייל בוקאָווינע איז געווען איינע פון די חשובסטע לענדער פאַר דער יידישער בינע, און אַ דאַנק זיין איבערגעבענער אַרבעט איז דער פּלאַץ לאַנגע יאָרן אָנגעהאַלטן געוואָרן אַלס מקום־מקלט פאַרן וואַנדערנדיקן יידישן אַקטיאָר.

שוין אין זיינע מיטעלע יאָרן האָט א. געליטן אויף רעוומאַטיזם אין די פיס, וועלכע זיינען ביי אים געווען כמעט ווי געליימט, און דאָך האָט ער ווייטער געשפּילט זיינע ראָלן.

די לעצטע יאָרן האָט זיך אָבער זיין קראַנקהייט פאַרשטאַרקט, און ער האָט געמוזט אויפגעבן די בינע, אָבער ער האָט ווייטער געפירט די דירעקציע, און פלעגט אויפטרעטן נאָר צו זיינע ערן־אָוונטן, זייענדיק נאָך אַלץ פאַררעכנט אַלס איינער פון די אינטערעסאַנטסטע קאָמיקער פון אַלטן טיפּ יידישע אַקטיאָרן.

פאַרברענגענדיק די לעצטע צייט שוין אין בעט, איז ער דעם 11טן נאָוו. 1925, נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט, געשטאָרבן אין טשערנאָוויץ.

אַזוי ווי ביי דער גסיסה איז קיינער, אַ חוץ דעם אַקטיאָר שלום ברין, ניט געווען, איז דער חולה געווען זייער פאַרביטערט, און געשלאָסן זיינע אויגן מיט די ווערטער: „אָפּגעשפּילט די פּיעסע, געפאַלן דער פאָרהאַנג און ס'איז אַפילו ניטאָ קיין פּובליקום, וואָס זאָל מיר אַפּלאָדירן“.

זיין טאָכטער איז די אַקטריסע בערטאַ גוטענטאַג.

ש. ע. פון זיין טאָכטער און פון חיים טויבער.

מ. ע. פון יצחק ליברעסקאָ, טאַבאַטשניקאָוו, איציקל גאָלדענבערג, טש. נאַטאַנסאָן, יעקב מעסטעל און מאַרק שוואַרץ.

יצחק פאַנער — אברהם אַקסעלראַד, „אָרב“צט“, טשער. 20 נאָוו. 1925.

אַקסעלראַד, אַנעטאַ

[ברענער]

[געב. בערך 1868 — געשט. 13 אויג. 1910]

געב. בערך 1868 אין בוקאַרעסט, רומעניע. יונג געוואָרן אַ יתומה, און אַריינגעטראָטן אין יידישן טעאַטער אַלס כאָריסטקע. דאָ האָט זי זיך באַקענט מיטן אַקטיאָר אברהם אַקסעלראַד, וועלכער האָט מיט איר חתונה געהאַט, און אַ דאַנק אים האָט זי אָנגעהויבן שפּילן קליינע ראָלן אויף דער בינע.

נאָכדעם ווי זי האָט זיך געגט מיט איר מאַן, איז זי מיט איר טאָכטער, די אַרטיסטקע בערטאַ גוטענטאַג, אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע, און דעם 13 אויגוסט 1910 איז זי געשטאָרבן אין בוענאָס־איירעס.

ש. ע. פון בערטאַ גוטענטאַג

אַקסעלראַד, מאָרים

[מאיר]

געב. 1879 אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — אַ סוחר. געווען באַקענט אַלס „אַ גוט גמרא־קעפּל“. באַזוכט אין עלטער פון 13 יאָר אַ צירק, געפעלן אים די קעמלען און ער ווערט אַ משגיח איבער זיי. נאָך אַ קורצער צייט קומט ער צוריק אַהיים קרוע ובלוע. שפּעטער באַטייליקט זיך א. אין אַ ליבהאָבער־אויפפירונג אַלס „באָבע יאַכנע“ אין „קאַלדוניא“ אין שלום שייקעלס גאָרטן אין יאַסי, און ווערט דערנאָך אַ סטאַטיסט אין סעגאַלעסקאָס טרופּע. 2 יאָר שפּעטער פאָרט א. קיין לאָנדאָן, וואו ער טרעט אַריין אַרבעטן אין אַ הוטפאַבריק, און ווען עס געלינגט אים צו באַוועגן דעם פאַבריק־אייגנטימער דזש. לאַנג, אַז ער זאָל אַראָפּברענגען טרייטלערס טרופּע, ווערט אַ. אין דער טרופּע אַן אַקטיאָר. דערנאָך פאָרט ער איבער דער ענגלישער פּראָווינץ, שפּילט ווידער אין לאָנדאָן און פּאַריז און אַנדערע הויפּטשטעט פון אייראָפּע, פאָרט קיין בוענאָס־איירעס, און צוריק אין פּאַריז, וואו ער פירט אָן איניקע יאָר מיט אַ יידיש טעאַטער.

מ. ע. פון קאַרל סילווערמאַן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II, ז. 153.

אַקסעלראַד, מיני

[בלייכמאַן]

געבוירן 7 אַפּריל 1893 אין בוקאַרעסט, רומעניע. עלטערן — יידישע אַקטיאָרן. געלערנט פּריוואַט יידיש, דייטש און פראַנצויזיש. אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן אויף דער בינע נאָך אַלס קינד, צוזאַמען מיט אירע עלטערן, דערנאָך געשפּילט דערוואַקסענע ראָלן אין פּאַריז, לאָנדאָן, רומעניע, און נאָך איר חתונה מיט מאָרים אַקסעלראַד — אין אַרגענטינע, 1928 צוריק אין פּאַריז, 1929 — אין דרום־אַפריקע.

אַמפּלואַ — פּרימאַדאָנאַ און דראַמאַטיסטין.

ש. ע. פון יעקב בלייכמאַן.

אַקסעלראָד, ראָזאַ

געבוירן אין יאַסי, ראָמאַן אָדער גאַלאַץ, רומעניע. פאָטער — אַ תלמיד-חכם, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַן אפּיקורס. א. איז אויפגעצויגן געוואָרן ביי איר זיידע און באָבע. צוליב איר שיינער שטים ווערט זי אַריינגענומען אין די ערשטע יידישע טרופּעס, וועלכע שפּילן אין רומעניע, ווי מאָגולעסקאָ, ליבערעסקאָ-בערגער און דערנאָך ביי הורוויצן, וואו אַ. צייכנט זיך באַזונדערס אויס אין הורוויצס אָפּערעטע „עתליהו".

אין 1889 איז א. פּרימאַדאָנע ביי מרדכי סעגאַלעסקאַ. אין 1893 פאַרלאָזט זי די יידישע בינע און טרעט אַריין אַלס כאָריסטקע אין דער רומענישער אָפּערע (נאַציאָנאַל-טעאַטער אין בוקאַרעסט), וואו זי בלייבט ביז איר טויט. [1914-5?].

א. איז געשטאָרבן אָן קרובים און די טרופּע פון נאַציאָנאַל-טעאַטער האָט זי מקבר געווען אויפן יידישן בית-עולם אין בוקאַרעסט.

מ. ע. פון איציקל גאָלדענבערג, יצחק ליבערעסקא און יוסף לאַטיינער. ב. גארין — „געש. איד. טעאַט." I, זז. 199, 242.

אַקסעלראָד, רחל

[קאָהוט]

געבוירן אין יאַסי אָדער ראמאַן, רומעניע. נאָכן באַקענען זיך מיט אברהם אַקסעלראָד, אַריינגעטראָטן צו אים אין טרופּע, וואו זי איז נאָך אַ קורצער צייט, געוואָרן די פּרימאַדאָנע.

צוליב אַקסעלראָדס קראַנקהייט איז רחל, וועלכע האָט מיט אים חתונה געהאַט, געווען די פאַקטישע פירערין פון דער טרופּע, אין וועלכער זי האָט געשפּילט די הויפּט-ראָלן אין אָפּערעטן-רעפּערטואַר.

א. האָט יאָרן לאַנג געשפּילט אין טשערנאָוויץ, און אויך מיטגעמאַכט אַלע טורנעען פון איר מאַנס טרופּע איבער גאַליציע, בוקאָווינע און רומעניע.

א. וואוינט אין טשערנאָוויץ, וואו זי באַטייליקט זיך פון צייט צו צייט אין פּראָפעסיאָנעלע אָדער האַלב פּראָפעסיאָנעלע אויפפירונגען פון אַלטן אָפּערעטן-רעפּערטואַר.

מ. ע. פון יעקב מעסטעל און משה שאָר.

אַראָנאָוויטש, הערמאַן

געב. דעצ. 1900 אין לאָדזש, פּוילן. אין דער פריסטער יוגנט געקומען אין אַמעריקע, וואו ער האָט געלערנט אין פּאָבליק-סקול און דזשוניאָר האַי-סקול.

אין עלטער פון 12 יאָר אנגעהויבן שפּילן קינדער-ראָלן אין ניו-יאָרק און אויף דער פּראָווינץ, דערנאָך 4 יאָר באַטייליקט זיך אין בורלעסק אויף דער פּראָווינץ. זייט 1914 באַטייליקט זיך אין פאַרשיידענע יידישע טרופּעס, אין 1927-8 געשפּילט אין וויניפּעגער קווינס-טעאַטער.

ש. ע.

אַראָנטשיק, יודעס

געב. 1909 אין מינסק, ווייס-רוסלאַנד, ביי אָרימע עלטערן. ווינטער פלעגט דער פאָטער פאַרריכטן קאַלאָשן. אין 1918, צוליבן פאָטערס טויט, געמוזט איבעררייסן די למודים אין דער האַנטווערקער-שול. צוליב דער שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע ווערט א. אין 1920 אָפּגעגעבן אין אַ קינדער-היים, וואו זי לערנט אַ קורצע צייט שניידעריי, דערנאָך טרעט זי אַריין אין אַ סאָוועטישער שול, וואו זי לערנט ביז 1924.

נאָך אַלס קינד פלעגט א. צוזאַמענעמען קינדער, און פאַר זיי אָפּשפּילן זאַכן, וועלכע זי האָט געהערט נאָכדערציילן פון טעאַטער. שוין אין קינדער-היים האָט א. זיך באַטייליקט אין די פאָרשטעלונגען און שפּעטער אין דראַמאַטישע קרייזן. אין 1924 טרעט א. אַריין אין יידישן מלוכה-אינסטיטוט פאַר סצענישער קונסט, און נייט דערנאָך אויטאָמאַטיש איבער אין באַשטאַנד פון „ווימט".

ש. ע.

אַראָנסאָן, ברוך



געב. 31 אָקט. 1898 אין ניעזשין, טשערניגאָווער גוב, אוקראַאינע, וואו זיין פאָטער, דער איצטיקער רב פון תל-אביב, ר' שלמה אַראָנסאָן, איז געווען רב. צו 10 יאָר אַריבערגעפאָרן מיט די עלטערן קיין קיעוו, וואו דער פאָטער איז געוואָרן אָרטיקער רב.

א. באַקומט דאָ אַ יידישע און אַלגעמיינע בילדונג אין דער היים. פון קינדווייז אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו מאַלעריי, איז ער אין 1916 אַריינגעטראָטן אין דער קיעווער קונסט-שול, דערנאָך זיך פאַרפולקומט אין דער קונסט-סטודיע פון דער קינסטלערין עקסטער. 1919-20 געווען פאַרוואַלטער פון דער יידישער קונסט-סטודיע ביי דער קיעווער „קולטור-ליגע", דערנאָך שטודירט אין מאָסקווע ביים קינסטלער מאַשקאָוו, געמאָלט דעקאָראַציעס און קאָסטיומען פאַר ווייטערס „פאַרטאָג" פאַרן יידישן קאַמער-טעאַטער, און פאַרלאָזט רוסלאַנד.

אין דעצעמבער 1923 באַטייליקט זיך א. אין דער בערלינער גרויסער קונסט-אויסשטעלונג, און דערנאָך פאָרט ער אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער ווידמעט זיך דעם יידישן טעאַטער.

דאָ האָט ער אין משך פון 1924-9 געשאַפן די דעקאָראַציעס און געמאָלן די קאָסטיומען פאַר אַנסקים „טאָג און נאַכט", פּינסקים „לעצטער סך-הכל", משה נאַדירס „טראַגעדיע פון גאָרניט", דימאָווס „בראָנקס עקספּרעס", „יאשקע מוזיקאַנט" און „מענטשן-שטויב", גאָלדפאַדענס „לא תחמד", שלום-עליכמס „סטעמפּעניו" ליאָן פויכטוואַנגערס „יוד זיס", חנא גאָטעספעלדס „מלאכים אויף דער ערד" און פאַר דער קינדער-פּיעסע „פרילינגס-באַפרייאונג" פון גוליגיטש.

א. האָט אויך פאַרעפנטלעכט אין יידישע און רוסישע פעריאָדישע אויסגאַבן אַ ריי אַרבעטן וועגן מאַלער און מאַלעריי בכלל. אין פאַרלאַג „פּעטראָפּאָלים", בערלין, (1923) זיינען דערשינען אויף רוסיש זיינע אַ גרויסע אַרבעט „די מאָדערנע יידישע גראַפיק" מיט רעפּראָדוקציעס און אַ מאָנאָגראַפיע וועגן מ. שאַגאַל (געדרוקט אויף רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש, יידיש און העברעאיש).

דעצעמבער 1928 האָט א. אָפּגעהאַלטן אין פּאַריז אַן אויסשטעלונג פון זיינע דעקאָראַציעס, און אין זומער 1929 אין ניו-יאָרק.

אין 1928 איז דערשינען אין פּאַריז אין פראַנצויזיש אַ רעפּראָ-דוקציע-בוך פון זיינע דעקאָראַציעס מיט אַן הקדמה פון וואַלדערמאַר זשאָרזש. [16 ז. — זשורנאַל-פאָרמאַט + 32 בילדער.]

זלמן רייזען — „לעקס. יִד. ליט.“, I, זז. 163-5.

דר. א. מוקדוני — אַ אידישער טעאַטער-מאַלער, „צוקונפט“, ניו-יאָרק, פעברואַר, 1929.

נ. בוכוואַלד — ברוך אַראָנסאָנס טעאַטער-אויסשטעלונג, „פרייהייט“, נ. י., 16 דעצ., 1927.

אברהם טייטעלבוים — „טעאַטראַליאַ“, וואַרשע, 1929, זז. 78-87.

שאול ראַסקין — ב. אַראָנסאָנ׳ס דעקאָראַציעס צו „דאָס צענטע געבאָט“, „טעאַטער און קונסט“, ניו-יאָרק, 2, ז. 31.

Boris Aronson — Et L'Art du Theêatre. par Waldemar George. Éditions des Chroniques du jour, Paris, 1928.

Maitres de l'art etranger.

דאַוויד בורליוק — אַראָנסאָנס טעאַטער-אויסשטעלונג, „דער האַמער“, יאַנואַר 1928.

א. אַלפּערין — ברוך אַראָנסאָן דער טעאַטער-מאַלער, „ליט“בל“, 33, 1928.

אַראָנעס, פּייוול

געב. 21 יוני 1897 אין דווינסק, לעטלאַנד, פאָטער — אַ שניידער. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר און ישיבה, דערנאָך ביז 15 יאָר אין אַ מיטל-שול. אין 1907 געזען גאַסטראָלירן אין דווינסק אסתר רחל קאַמינסקי, און זייט דאַמאָלט אָנגעהויבן שטרעבן צום טעאַטער, אָרגאַניזירט אין שול איניקע פאָרשטעלונגען, געוואָרן אַ סטאַטיסט אין יידישע און רוסישע טרופּעס, שפּעטער אַנטלאָפן מיט גוזיקס טרופּע, ביי וועלכער ער איז איניקע חדשים און קומט צוריק אַנטוישט, הויבט דאַן אָן אַרבעטן אין דראַמקרייזן, באַזונדערס אין ריגער „עבריה“.

אין 1917 קומט א. אין כאַרקאָוו וואו ער נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אין גרינדן דעם יידישן אַרטיסטן-פאַריין, אין 1918 ווערט א. אַ פאַרוואַלטונגס-מיטגליד פון פאַריין, און העלפט מיט אָרגאַניזירן דאָס טעאַטער „אונזער ווינקל“, אין וועלכן ער טרעט אַריין שפּילן, און באַטייליקט זיך גלייכצייטיק אין דער טעאַטער-סטודיע אונטער דער פירונג פון מ. ראַפּאַלסקי. אין 1921 פאָרט א. אין קאָוונע און העלפט דאָרט מיט שאַפן די יידישע טעאַטער-סטודיע ביים נאַציאָנאַלראַט, און שפּעטער ביי דער „קולטור-ליגע“. אין אָקטאָבער 1923 ווערט א. אַרויסגערופן פון ראַפּאַלסקין קיין מאָסקווע אַריינצוטרעטן אין דער מלוכהשער יידישער טעאַטער-סטודיע פון ווייסרוסלאַנד, וועלכע איז אין 1926 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „מעלוכישן יידישן טעאַטער פון וו. ס. ס. ר.“, וואו א. איז ביז איצט טעטיק אַלס אַקטיאָר. 1925-8 איז א. אויך געווען רעזשיסער אין דראַמקרייזן ביי די אַרבעטער-קלובן אין מינסק און האָמעל, און אויך אַלס רעזשיסער-לאַבאָראַנט אין „ווימט“ (ווייסרוסלענדישער יידישער מלוכה-טעאַטער).

א. האָט אָנגעשריבן איניקע אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער און אַרויסגעגעבן „ריסטעקראַטן און מענטשן“, אַ דראַמאַטישע קאָמפּאָזיציע אין צוויי אַקטן און עלף בילדער, (לויט שאָלעם-אַליכעמען), פאַרלאַג פון צענטראַל ראַט פון די פּראָפאַריינען אין ווייס-

רוסלאַנד, מינסק 1929 [68 ז. 24°]. די פּיעסע האָט אַן הקדמה פון מ. ראַפּאַלסקי.

די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן דורך אַ ריי יידישע טרופּעס און דורך פיל יידישע דראַמקרייזן ביי די אַרבעטער-קלובן אין ראַטנרוסלאַנד.

א. האָט אויך איבערזעצט גאַבריעלאַ זאַפּאָלסקאַס „די זיילן פון מאָראַל“.

ש. ע.

ש. — קלובישע סצענע, „אָקטיאַבר“, מינסק, 14 מערץ, 1929.

אָרזשעווסקאַיאַ, אסתר

[סניעגאָוו]

[געב. 1881 — געשט. 2 דעצ. 1924]

געב. 1881 אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אוקראַאינע. געענדיקט די רוסישע דראַמאַטישע שול אין קיעוו, און געשפּילט דערנאָך אויף דער רוסישער בינע אין די וויכטיקסטע טרופּעס אין די גרעסטע רוסישע שטעט.

אין קריגס-צייט אָנגעקומען אין פּוילן, און צוזאַמען מיט איר מאַן, לעאָניד סניעגאָוו, אָנגעהויבן אין 1919 שפּילן יידיש, צוערשט אין דער „ווילנער טרופּע“, אויפטרעטנדיק אין סורגוטשאָווס „הארבסט-פידלען“, שפּעטער געמאַכט אַ טורנע איבער פּוילן און ליטע, און אָפּגעפאָרן אין 1920 קיין אַמעריקע. דאָ האָט א. געשפּילט איניקע חדשים אין שניצערס קונסט-טעאַטער, דערנאָך אַ גאַנץ קורצע צייט אין פּיפּלס טעאַטער מיט גאָלדענבורג און מאַקס ראָזענטאַל, און דאַן אַ לענגערע צייט, צוליב יוניע-באַדינגונגען, בכלל ניט געשפּילט. 1923-4 איז אָ. אַנגאַזשירט געוואָרן אין יידישן קונסט-טעאַטער, וואו זי האָט א״נ סניעגאָוו געשפּילט אַלס „שרה“ אין זשולאַווסקיס „שבתאי צבי“, „יעטאַ“ אין לייוויקס „בעטלער“, און אַנדרעע פּיעסן, אַרויסווייזנדיק זיך אַלס שוישפּילערין פון קולטור און דראַמאַטישער קראַפט. נאָכן שפּילן די הויפּט דאַמען-ראָל אין בראַמסאָנס „אייביקער ליגן“, האָט אָ., צוליב איר קראַנקהייט, געמוזט איבעררייסן דאָס שפּילן, און איז אָפּגעפאָרן אין דענווער, קאָלאָראַדאָ, וואו זי איז 7 חדשים געלעגן קראַנק, און באַקומענדיק אַ לונגען-אַנטצינדונג איז אָ. דעם 2טן דעצעמבער 1924 געשטאָרבן, און געבראַכט געוואָרן צו איר אייביקער רו אויפן בית-עולם פון „אַרבעטער-רינג“ אין ניו-יאָרק.

אָ.׳ס לעצטע בקשה, אַז זי זאָל קומען צו קבורה אין קלייד פון איר לעצטער ראָל, איז דורכגעפירט געוואָרן. אָ.׳ס מצבה איז די אַרבעט פון סקולפּטאָר אברהם אייזנבערג.

מ. ע. פון לעאָניד סניעגאָוו.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II, ז. 245.

ס. דינגאָל — אסתר סניעגאָוו, „דער טאָג“, נ. י., 25 דעצ. 1925.

„אַרטעף“

[אַרבעטער-טעאַטער-פאַרבאַנד]

בערך אין 1925 איז ביי דער דאַמאָלטדיקער יידישער אָפּטיילונג פון דער „יאָנג וואָירקערס ליג“ געגרינדעט געוואָרן אַ דראַמאַטישע סעקציע, וועלכע האָט זיך אָבער געענדיקט מיט אַ דורכפאַל.

אונטער דער ווירקונג פון נ. בוכוואַלדס אַרטיקל אין „פרייהייט“ וועגן אַ פּראָלעטאַריש טעאַטער, איז דערויף געגרינדעט געוואָרן די „פרייהייט דראַמאַטישע סטודיע“, וואָס איז אָפיציעל געעפנט געוואָרן דעם 15 דעצ. 1925. באַלד דערנאָך איז דורך פאָרשטייער פון 133 לינקע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס געגרינדעט געוואָרן דער אַרבעטער טעאַטער-פאַרבאַנד („אַרטעף“) מיט קלמן מרמר אַלס פּרעזידענט, די ה״ה י. אַדלער, ג. סאַנדלער און דוד אייבראַמס אַלס ריי-סעקרעטאַרן און יעקב מעסטל אַלס דירעקטאָר פון דער סטודיע.

דער „אַרטעף“ האָט מאַטעריעל און מאָראַליש געשטיצט די „פרייהייט-דראַמאַטישע סטודיע“, וועלכע האָט מיט יעקב מעסטלען אַלס רעזשיסער אויפגעפירט: אין 1927 — „סטרייק“, מאַסנשפּיל אין צוויי טיילן פון נ. בוכוואַלד און ב. פענסטער, דעק. און קאָסט. — פּאַס, מוזיק — י. שייפער, טענץ — סאָפיע בערנזאָן; אין 1928— „רויט, געל און שוואַרץ“, מאַסנשפּיל אין 4 סצענעס פון א. וואולף, מוזיק יעקב שייפער, דעקאָר. און קאָסט. ב. אַראָנסאָן, טענץ — אידיט סיגל. „מאַינערס“, טאַבלאָס פון די אַמעריקאַנער

קוילן-גרעבער פון נ. בוכוואַלד, דעקאָר. — י. קאַטלער. „בערדיטשעווער האָטעלן“ פון שלום-עליכם — משה נאַדיר, דעק. קאַטלער. „פון אברהם רייזענס עפּיזאָדן“ — 5 אילוסטראַציעס. דעק. — י. קאַטלער.

דעם 16 דעצ. 1928 איז אין 48 סטריט טעאַטער פאָרגעקומען די ערעפנונג פון אַרבעטער-טעאַטער („אַרטעף“) מיט דער „פרייהייט“-דראַמ. סטודיע אַלס טרופּע, אויפגעפירט איז געוואָרן „ביים טויער“, אין 3 אַקטן, פון ביינוש שטיימאַן, בינע-טעקסט פון יעקב מעסטל, דעקאָראַציע און קאָסטיום. מ. זאַלאַטאַראָוו, מוזיק א. עלשטיין, טאַנץ-מוזיק: פּראָפ. י. ווײַנבערג און טענץ — סאָפיע בווירנסאָן.

דעם 12 יאַנואַר 1929 איז אין מאַנהעטען אָפּערע הויז אויפגעפירט געוואָרן „איסט-בראָדוויי, קריסטי סטריט און יוניאָן-סקווער“, עפּיזאָדן פון דער „פרייהייט“-רעדאַקציע, פון נ. בוכוואַלד, דעק. י. קאָטלער און ז. מאוד.

דעם 30 נאָוועמבער 1929 איז אין אַמעריקען לאַבאָראַטאָרי טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „נפתלי באָטווין“, דראַמע אין פיר אַקטן און ניין בילדער פון א. וויעוויאָרקא, רעזשי — עם דזשא באַשע, דעקאָראַציעס — סאַטו סען, מוזיק — יעקב שייפער, טענץ — אידיט סיגל.

דער קונסט-ראַט ביי דער פרייהייט דראַמסטודיע באַשטייט פון יעקב מעסטל, דירעקטאָר און רעזשיסער, נ. בוכוואַלד, ר. יוקלסאָן, ק. מרמר, מ. פרידמאַן, מ. נאַדיר, ג. רוטמאַן און ש. שטראַוס — געשעפטס-פאַרוואַלטער.

אויסער אַ סך פּראָפּאַגאַנדע-ליטעראַטור איז אויך דערשינען אַ זאַמלהעפט „אַרטעף“, אונטער דער רעדאַקציע פון נ. בוכוואַלד, ק. מרמר און מ. נאַדיר, וואָס ערקלערט די צילן פון דעם טעאַטער, און גיט איבער זיין געשיכטע.

ביים טעאַטער עקסיסטירט אַ דראַמסטודיע מיט אַ קורס פון 3 יאָר. די לערער אין דער שול זיינען: י. מעסטל (דיקציע, דעקלאַמאַציע, שוישפּיל-קונסט), א. טייטלבוים (בינע און שוישפּיל-קונסט), מ. פאַקין (פּלאַסטיק און טענץ), פּ. טשעסין (יידיש), מ. עלקין (דראַמאַטורגיע), ק. מרמר (דראַמאַטישע ליטעראַטור), י. שאַצקי (טעאַטער-געשיכטע), ס. בווירנסאָן (פּלאַסטיק), שניידער

(גרים), נ. בוכוואַלד, (טעאָריע פון טעאַטער), ס. ראַדאָמסקי (שטים־בילדונג), בנימין צמח (טענץ).

1929 איז געעפנט געוואָרן אַ צווייטע סטודיע, וועלכע באַטייליקט זיך אויך אין די מאַסן־סצענען פון די אויפפירונגען.

„אַרטעף" אַרויסגעגעבן פון אַרבעטער טעאַטער פאַרבאַנד צו דער גרינדונג פון אידישן אַרבעטער טעאַטער, [ניו־יאָרק], ערשטער סעזאָן, 1928-9.

אַף דער קאָנפערענץ פון אַרבעטער טעאַטער פאַרבאַנד („אַרטעף"), „פרייהייט", 31 יאַנ. 1929.

מ. מאַנדלבוים — אונזער גרויסער נצחון. „פרייהייט", נ. י., 14 דעצ. 1928.

נ. בוכוואַלד — מיר הויבן אָן! „פרייהייט", נ. י., 17 נאָוו. 1928.

מ. אָלגין — אונזער פּראָלעטאַרישער טעאַטער, „פרייהייט", 21 דעצ. 1928.

א. גלאַנץ — ערשטע אויפפירונג פון אַרבעטער־טעאַטער, „דער טאָג", נ. י., 21 דעצ. 1928.

A. B. Magel—Jewish Workers Theatre gives its first production, "Daily Worker", N. Y., 20 Dec. 1928.

דוד מאַניעוויטש — אַ סאַטירע אויף דער פרייהייט־רעדאַקציע, „פרייהייט", 11 יאַנ. 1929.

דר. א. מוקדוני — נאָכן טעאַטער־סעזאָן, „מאָר"זש", 17 מאַי, 1929.

יעקב מעסטעל — מאַסנשפּיל, „פרייהייט", 31 מערץ, 1928.

דוד מאַניעוויטש — דאָס נייע רויטע קינד, „פרייהייט", נ. י., 20 דעצ., 1928.

ש. שטרוים — דריי יאָר טעטיקייט פון פרייהייט דראַמאַטיק סטודיאָ, „פרייהייט" 23 נאָוו. 1928.

ר. יוקלסאָן — גרייט צום עקזאַמען, „פרייהייט", 14 דעצ. 1928.

נ. בוכוואַלד — מיר דאַרפן אַן אַרבעטער טעאַטער, „מאָרגן־פרייהייט", 29 נאָוו. 1929.

נ. בוכוואַלד — „נפתלי באָטווין" אַ עכטע פּראָלעטאַרישע טעאַטער־שטיק, „מאָרגן־פרייהייט", 3 דעצ. 1929.

דר. א. מוקדוני — אין און אַרום טעאַטער, „מאָ"זש", 23 דעצ. 1928.

אריעל, חיים דוד

געב. 15 נאָוו. 1881 אין לאָדזש, פּוילן. געלערנט אין חדר, און געענדיקט 3 קלאַסן פון קאָנשטאַטס שול. אַזוי ווי דער פאָטער האָלט אַ רעסטאָראַן, וואו עס עסן אַקטיאָרן, באַקענט ער זיך מיט זיי און אין 1898 נעמט אים יוליוס אַדלער אַריין צוזאַמען מיט נאָך דריי חברים אַלס טענצער אין ווייספעלדס טרופּע. ווען אַדלער הערט אים זינגען, נעמט ער אים אַריין אין כאָר, אין 1899 טרעט א. אַריין אין כאָר צו זאַנדבערגן. אין 1904 נעמט אים דער אַקטיאָר שלום צוקער מיט קיין ווילנע אין סאַבסיים טרופּע, און דאָרט הויבט א. אָן שפּילן קליינע ראָלן, 1910 שפּילט ער ביי האַרלאַמפּ־קאַניעווסקא אין קרעמענטשוג, ביי פישזאָן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, דערנאָך אין אָדעס ביז 1916 ווען ער טרעט אַריין צו ראַפּעלן, פון אים גייט ער איבער צו קרויזע, פאָרט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, קיין רומעניע, ווידער צוריק אין אָדעס, וואו ער ווערט אַנגאַזשירט צו בוגז יוננוויץ און בעזמאַן, דערנאָך מיט בעזמאַנען אין קיעוו, בערדיטשעוו ביז זיי קומען קיין לאָדזש, וואו ער שפּילט ביז איצט.

זיין זון, האַרי, שפּילט קינדער־ראָלן.

ש. ע.

אריעל, סאָניאַ

[בעזמאַן]

געב. 4 יאַנואַר 1892 אין לאָדזש, פּוילן. עלטערן — באַזיצער פון אַ רעסטאָראַן, וואו ס'פלעגן עסן יידישע אַקטיאָרן. געלערנט פּריוואַט. אין עלטער פון 14 יאָר נעמען זי אַקטיאָרן מיט קיין אָדעס צו פישזאָנען אין כאָר. דאָרט איז זי עטלעכע חדשים ביז די טרופּע קומט אָן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, וואו זי האָט אַ פעטער, וועלכער לאָזט זי ניט „זיין מיט אַקטיאָרן", און שיקט זי אַהיים. אין לאָדזש טרעט זי אַריין אין כאָר צו קאַמינסקין, פון דאַנען פאָרט זי ווידער אַרום מיט פאַרשיידענע טרופּעס אַלס כאָריסטקע, און ווען ביי קאַמינסקין אין אָדעס ווערט קראַנק די אַקטריסע נעראָסלאַווסקאַ, פאַרטרעט זי א. אין די „הייסע באַבקעלעך" פון „קאַלדוניע".

זייט 1913 הויבט זי אָן שפּילן סוברעטינס אַלס לעבעדעווס פּאַרטנערין אין זאַנדבערגס לאָדזשער גרויסן טעאַטער. בעת דער מלחמה שפּילט זי, א"נ סאָניאַ בעזמאַן, אין רוסלאַנד אין די טרופּעס פון איר מאַן, איסר בעזמאַן און פון בעזמאַן־יאַנג, און זייט 1925 צוריק אין לאָדזש אין דער דאָרטיקער חברים־טרופּע.

מ. ע.

אריעל, רחל

געב. 7 אָקט. 1891 אין לאָדזש, פּוילן, פאָטער — אַ מאַשין־וועבער. געלערנט אין אַ פּריוואַט שול. דער אַקטיאָר צוקער נעמט זי מיט אַלס כאָריסטקע קיין וויטעבסק אין גענפּערס טרופּע, וואו זי הויבט אָן, נאָך אַ קורצער צייט, צו שפּילן קליינע ראָלן. פון דאָרט פאָרט זי קיין ווילנע צו סאַבסיין, וואו זי שפּילט שוין גרעסערע ראָלן. דאַן שפּילט זי אין די טרופּעס פון קאָמפּאַנעיעץ, האַרלאַמפּ־קאַניעווסקאַ, פישזאָן, קרויזע, און 1921 פאָרט זי קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פון דאָרט קיין רומעניע, און צוריק קיין לאָדזש, וואו זי שפּילט אין דער דאָרטיקער חברים־טרופּע צוזאַמען מיט איר מאַן חיים־דוד אַריעל.

ש. ע.

אַרליוק, שמעון

געב. 1894 אין ווילנע, פּויליש־ליטע. ברודער פון אַלעקסאַנדער אזרא. באַקומען א מיטל־שול־בילדונג. א. האָט באַזעסן א שיינע אַלט־שטים, וועלכע האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון ווילנער מעלאָמאַנען. אין עלטער פון 19 יאָר אַריינגעטראָטן אויף א סטיפּענדיע אין טרעסקינס ווילנער מוזיק־שול, און געוואָרן א שילער פון פּראָפעסאָר און אָפּערע־אַרטיסט באַגוצקי. נאָכן ענדיקן די שול טרעט א. ארויס אין פאַרשיידענע אָפּערן־אַריעס, דערנאָך זינגט ער אין דער פּוילישער אָפּערעטע, פון וועלכער ער גייט איבער אין ווילנער יידישן אָפּערעטן טעאַטער (לייטונג שריפטזעצער), דאַן טרעט א. ארויס אַלס „דוד" אין דער וואַרשעווער אויפפירונג פון בראַדעדזאָן און קאַם אָפּערע „דוד און בת שבע", און פאַרבינדט זיך ווידער מיטן יידישן אָפּערעטן־טעאַטער אין פּוילן, באַטייליקנדיק זיך על פּי רוב אין אייראָפּעאישן רעפּערטואַר.

ש. ע. פון אַלעקסאַנדער אזרא.

אַרלעסקאַ, מרים

געב. אין וואַרשע. נאָך אין דער שול געווען באַקאַנט אַלס דעקלאַמאַטאָרקע, און אין לעצטן שול־יאָר אין גימנאַזיע זיך באַטייליקט אַלס „דוד" אין דוד הערמאַנס אויפפירונג פון אשם „מיטן שטראָם". נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע האָט א. באַזוכט דעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט און בסוד געלערנט אין דער פּוילישער דראַמאַטישער שול ביי בראַניעוועצקי און בעדנאַרטשיק און דערנאָך ביי זעלוואַראָוויטשן. אין 1919 איז א. אַריינגעטראָטן אין דער „ווילנער טרופּע" אין וואַרשע, אין וועלכער זי שפּילט זייט דאַמאָלט.

אַמפּלואַ — דראַמאַטיסטין.

מרים אַרלעסקאַ — ווי אַזוי איך בין געקומען צו דער בינע, „טעאַט"צט" וואַרשע, 2, 1928.

אַרנאַן, מרים

[מאַניע מאַרגולים]

געב. 11 אַפּריל 1888 אין קיעוו, אוקראַינע, עלטערן — באַזיצער פון א זייף־פאַבריק. געענדיקט גימנאַזיע. פון קינדווייז אָן גערופן אין דער משפּחה „די אַקטריסע", ווייל זי פלעגט נאָכמאַכן אַקטיאָרן. געענדיקט די דראַמאַטישע שול פון ליסינקאַ, דערנאָך געשפּילט 2 יאָר אין סאַלאָוצאָור־טעאַטער.

ביז 1917 געווען ווייט פון א יידישער סביבה, דאַן צוגעטראָטן צו דער יידישיסטישער ריכטונג.

אין 1920־ן געוואָרן א מיטגרינדער פון דער סטודיע „אַהוביה" אין קיעוו, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורכן סעקרעטאַריאַט פון

נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דאָס דאָזיקע טעאַטער האָט אונטער דער רעזשי פון לויטער אויפגעפירט „דאָס גרויסע געווינס" און „די פּוסטע קרעטשמע" און אונטער דער רעזשי פון סעמדאָר: „קעניג־הונגער", „גאָט פון נקמה" און „די גאָלדענע קייט".

אין 1926 געקומען אין ארץ־ישראל און דאָרט געוואָרן די אָנפירערין פון דער העברעאישער דראַמאַטישער סטודיע „מסד".

מ. ע.

„שיחות עם בעלי הבימות בא"י" — אין „תיאטרון ואמנות", ירושלים, 8, 1927.

אַרנשטיין, מאַרק

געב. 2 יאַנ. 1878 אין וואַרשע, פּוילן, אין א בעל־הביתישער פאַמיליע. פאָטער — א אייזן־פאַבריקאַנט. געלערנט אין חדר, דערנאָך געענדיקט די 2־קלאַסיקע עלעמענטאַר־שול פון גערמייזע און 3 קלאַסן פון דיקשטיין־מייזלערס פּריוואַט־גימנאַזיע, און אַנטייל גענומען אין זיין פאָטערס פאַבריק. נאָכן פאָטערס טויט, ווען די פאַבריק איז אַריבער צו שותּפים, האָט א. א געוויסע צייט געאַרבעט אַלס מייסטער אין א פרעמדער מעטאַל־פאַבריק, אָפּגעבנדיק זיך גלייכצייטיק מיט זעלבסטבילדונג. אין עלטער פון 14 יאָר גענומען שפּילן אין א ליבהאָבער־טרופּע, פון וועלכער ס'זיינען שפּעטער אַרויסגעקומען די אַקטיאָרן אַדאָלף בערמאַן און טיטעלמאַן. די פאָרשטעלונגען פלעגן פאָרקומען יעדן שבת אין אַן אַנדערער פּריוואַט־וואוינונג.

אין 1897 דעביוטירט א. אין דער פּויליש־יידישער „איזראַעליטאַ", וואו ער פאַרעפנטלעכט שפּעטער אונטערן נאָמען אַנדזשעי מאַרעק זיין ערשטע פּיעסע אויף פּויליש „יפתח טאָכטער". באַלד הויבט א. אויך אָן דרוקן פּאָעמען אין ערנסטע פּוילישע ליטעראַרישע אָרגאַנען, און פון צייט צו צייט אויך טעאַטער־רעצענזיעס אין „איזראַעליטאַ".

אין 1900 שרייבט ער אָן אויף פּויליש אין משך פון אייניקע טעג א 5־אַקטיקע דראַמע „די חסידים", וועלכע ווערט דעם 11טן יוני, 1900, אויפגעפירט מיט די באַרימטע פּוילישע אַקטיאָרן קאַראָל אַדוואַנטאָוויטש און פּשיבילקאַ־פּאָטאָצקאַ.

דעם 25טן סעפּט. 1901 ווערט אויפגעפירט אין „ראָזמאַאיטאָשטשי" א.'ס איינאַקטער אויף פּויליש „דאָס אייביקע ליד", און אין זעלבן יאָר א צווייטע פּיעסע זיינע „יהודה ליבראָוויטש".

אונטער דער ווירקונג פון דר. יוסף לוריא הויבט א. אָן שרייבן יידיש אין „יוד". דאָ פאַרעפנטלעכט ער אויך זיין ערשטע דראַמאַטישע זאַך אויף יידיש, דעם איינאַקטער פון אַרבעטער־לעבן „דאָס אייביקע ליד", וואָס ווערט דעם 28טן אויגוסט 1905 אויפגעפירט אין ריגע (ספּיוואַקאָווסקי און סעם אַדלער), און ווערט באַלד דערויף אַריינגענומען אין סטאַבילן רעפּערטואַר פון די פאַרשיידענע ליבהאָבער־קרייזן.

אין 1902 ווערט אין לאָדזשער פּוילישן טעאַטער אויפגעפירט אויף פּויליש זיין 4־אַקטיקע דראַמע „פּיעניאָנדזע" (שפּעטער אויף יידיש גערופן „דאָס ווילנער בעל־הביתל"), וואָס איר סוזשעט איז געבויט אויף דער לעגענדע וועגן טראַגישן לעבן פון באַרימטן ווילנער חזן ר' יואל דוד לעווענשטיין. אין 1903 ווערט די דראַמע געדרוקט אויף פּויליש אין „איזראַעליטאַ", און אין דער רוסישער איבערזעצונג פון יעווגעני טראַפּאַווסקי ערשיינט עס אין א באַזונדער בוך. אויף יידיש איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן ערשט אין 1905,

שפּעטער אויך אַריינגענומען געוואָרן אין רעפּערטואַר פון דער „ווילנער טרופּע", אין בוך־פאָרם דערשינען ערשט אין 1908 מיט אַ ווידמונג צום באַרימטן פּוילישן שרייבער סטאַניסלאַוו פּשיבישעווסקי, אַ נאָנטער פריינט פון מחבר.

דעם 11 אַפּריל 1905 ווערט אין א.׳ס פּוילישער איבערזעצונג און אונטער זיין רעזשי אויפגעפירט אין פּוילישן טעאַטער אין וואַרשע שלום־עליכםס פּיעסע „צעזייט און צעשפּרייט".

שטייענדיק נאָנט פון איין זייט צו די יידישע אַקטיאָרן, און פון דער אַנדערער זייט צו דער יידישער ליטעראַרישער משפחה אין וואַרשע מיט י. ל. פּרץ בראש, וועלכע האָבן געשטרעבט צו שאַפן אַ ליטעראַריש טעאַטער, פאַראינטערעסירט א. איינציקע פאַרמעגלעכע מענטשן מיטן יידישן טעאַטער און דעם 19 מאַי 1905 עפנט זיך אין וואַרשע דאָס טעאַטער באַגאַטעלאַ, וואו א. שטייט אויפן אַפיש אַלס דירעקטאָר, אָבער צוליב אינערלעכע סכסוכים (וועגן שונד און ליטעראַטור) ציט ער זיך באַלד צוריק פון דאָזיקן טעאַטער און אין זעלבן יאָר נאָך באַטייליקט זיך א. אין דער גרינדונג און עפענונג פון אַ ניי טעאַטער — דאָס מוראַנאָווער. די ערשטע פאָרשטעלונג איז שלום עליכםס „צעזייט און צעשפּרייט" און פּרץ׳ס „ס׳ברענט". ביים טעאַטער איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, אין וועלכער ס׳זיינען אַריין י. ל. פּרץ, שלום־עליכם און דוד פרישמאַן. די קאָמיסיע האָט אָבער עקזיסטירט אַ גאַנץ קורצע צייט.

באַלד דערנאָך פאַרוואַנדלט א. צוזאַמען מיטן דר. ראָזענזאַל דעם שאַנטאַן זשאַרדען ד׳היווער אין אַ יידיש טעאַטער, אָבער אַזוי ווי די טרופּע נעמט שפּילן אַ שונד־רעפּערטואַר, ציט זיך א. צוריק פון דעם טעאַטער, און אין 1906 הויבט ער אָן רעזשיסירן מיט דער ליבהאָבער־גרופּע „דראַמאַטישע קונסט" אין לאָדזש.

אין 1907 גרינדעט א. די ערשטע יידישע ליטעראַרישע טרופּע (פּערסאָנאַל: אסתר רחל קאַמינסקי, מרים טרילינג, ל. זשעלאַזאַ, ה. ווייסמאַן, יעקב ליבערט, סאָניאַ עדעלמאַן, הערמאַן סיעראַצקי, ל. זאַסלאַווסקי, אברהם טייטעלבוים, יערמאַלינאַ־ווייסמאַן, אברהם יצחק קאַמינסקי), וועלכע מאַכט אַ טורנעע מיט פּינסקיס, גאָרדינס, ליבינס, שלום־עליכםס, אַרנשטיינס און איבערזעצטע פּיעסן („הייִמאַט" פון זודערמאַן, „נאָראַ" פון איבסען) איבערן תחום־המושב פון רוסלאַנד, און אויך אין פּעטערבורג, שפּילנדיק דאָס ערשטע מאָל אין אַ גרויס טעאַטער, און צוציענדיק צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער אינטעליגענץ און פון די קינסטלער־קרייזן אין פּעטערבורג.

סוף 1908 באַזעצט זיך א. אין לאָדזש אַלס רעזשיסער פון „דראַמאַטישע קונסט", וועלכע פירט אויף ביז 1910 דעם רעפּערטואַר פון יידישע און אייראָפּעאישע דראַמאַטורגן.

1910-12 איז א. פאַרבונדן מיטן לאָדזשער פּוילישן טעאַטער, וואו ער רעזשיסירט אייניקע פּיעסן, און פירט אויך אויף זיין פּיעסע „נעמי". אין דערזעלבער צייט פאַרעפנטלעכט ער אין רייזענס „דאָס נייע לאַנד", ניו־יאָרק, זיינע איינאַקטערס „שוועסטער און ברודער" און „מיין ווייבס משוגעת".

1912 פאָרט א. אָפּ קיין אָדעס וואו ער פירט אויף אויף רוסיש אין שטאָט־טעאַטער זיין דריי־אַקטיקע דראַמע „קאָראָלעוואַ סאַבאַט", וועלכע איז שפּעטער אויך געשפּילט געוואָרן אין אַנדערע רוסישע טרופּעס. דאָ שרייבט ער אויך אָן אַ גאַנצע ריי איינאַקטערס, וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרן אויף די רוסישע מיניאַטור־בינעס און זיינען געדרוקט געוואָרן אין די מאָנאַטלעכע העפטן פון זשורנאַל „טעאַטער אי איסקוסטוואָ".

1914 פאָרט א. אָפּ קיין אַמעריקע, וואו ער פירט אויף זיין

היסטאָריש־ראָמאַנטישע דראַמע „דער לעצטער משיח" און זיין דריי אַקטיקע דראַמע „אַ יידישע טאָכטער" [נעמי].

1916 קומט א. צוריק קיין רוסלאַנד, וואו ער ווערט דירעקטאָר פון רוסישן טעאַטער אין וויטעבסק, אַרבעט מיט נ. צמח ביי דער אָרגאַניזירונג פון דער „הבימה" און איז אויך איר ערשטער רעזשיסער. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פּרובט א. אָרגאַניזירן אַ יידיש מלוכה־טעאַטער, אָבער דער פּרוב גיט זיך אים ניט איין, און סוף 1919 פאָרט א. צוריק קיין אַמעריקע, וואו ער פירט אויף זיינע קאָמעדיעס „אַ זון פון צוויי נאַציאָנען" (11 מערץ, 1920, אין אירווינג פּלייס־טעאַטער, שוואַרץ—דירעקטאָר), „פאַר דער חתונה" און „די חסידישע טאָכטער".

1921 ווערט א. רעזשיסער אין יידישן קונסט־טעאַטער (דירעקציע שניצער). ער באַאַרבעט דאָ ניי זיין „ווילנער בעל־הביתל", שרייבט אָן אַ מוזיקאַלישע דראַמע „ר׳ בערעניו", אַ דראַמע „דאָס ליד פון ליבע און טויט", אויך אַ ריי איינאַקטערס, דערציילונגען, פאָעמעס א. ד. ג., וועלכע ער פאַרעפנטלעכט אין „צוקונפט" און אין דער טעגלעכער פּרעסע.

1923 פאָרט א. קיין אַרגענטינע, וואו ער גרינדעט אַ ליבהאָבער־טרופּע מיט וועלכער ער באַזוכט די וויכטיקסטע יידישע ישובים פון דרום־אַמעריקע.

1924 באַזוכט ער טשילי, וואו ער האַלט רעפעראַטן וועגן יידיש און יידישע קונסט. דאַן פירט א. אויף אין ריאָ דע זשעניירא זיין דראַמע פון רוסישן לעבן „אין רויטן לאַנד".

אין 1924 איז א. צוריקגעקומען קיין פּוילן, און געפּרובט זיך ווידער פאַרבינדן מיטן יידישן טעאַטער. ער פירט אויף צום ערשטן מאָל אין אייראָפּע סעקלערס „יזכור", און גייט דערנאָך צוריק צו דער פּוילישער בינע, אויפפירנדיק שפּעטער אין זיין אייגענער איבערזעצונג און רעזשי אַנסקיס „דיבוק" און לייוויקס „גולם". (5 יאַנואַר 1928 אין לובלינער שטאָט־טעאַטער).

ערשט סוף 1928 געלינגט אים אין קראָקע אויפצופירן אויף יידיש אין זיין רעזשי און סצענירונג לייוויקס „גולם".

אין 1929 האָט א. אין זיין איבערזעצונג און באַאַרבעטונג אויף פּויליש אויפגעפירט מיט דער פּוילישער טרופּע אין לאָדזש יעקב גאָרדינס „מירעלע אפרת", דערנאָך אַרומגעפאָרן מיט דער דאָזיקער טרופּע און שפּעטער אויך מיט אַנדערע פּוילישע טרופּעס איבער פּוילן. די דאָזיקע אויפפירונג האָט אַרויסגערופן אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע וועגן פּראָבלעם: יידיש טעאַטער אין יידיש אָדער אין אַנדערע שפּראַכן.

אין 1928 האָט א. אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג „קולטור־ליגע" אין 2 בענדער אַ טייל פון זיינע איינאַקטערס.

ביז איצט זיינען דערשינען פון א. פאָלגנדיקע טעאַטער־שטיק:

אויף יידיש:

מאַרק אַרנשטיין.

„דער ווילנער בעל־הביתל" דראַמע אין 4 אַקטן, וואַרשע, תרס״ח, פאַרלאַג „יבנה", [1908, 102 ז. 16°].

מאַרק אַרנשטיין (אַנדזשעי מאַרק).

דראַמאַטישע שריפטן, I, פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע [אַנטהאַלט אין אַ נייער באַאַרבעטונג: 1) „דאָס אייביקע ליד", אַ בילד פון אַרבעטער־לעבן אין איין אַקט. (פריער אין „יוד", קראָקע, 1901, דערנאָך [1907] אין אַ סעפּעראַטע אויסגאַבע אין פאַרלאַג פון ב. שימין, וואַרשע, און שפּעטער אין אַ באַאַרבעטער פאָרם אין פאַרלאַג „קונסט און לעבן", מאָסקווע 1918.) 2) „ווער איז דער גנב", דראַמאַטיש פּראָבלעם אין איין אַקט (פריער אין „פריינט"־יובילעאום־ביילאַגע, 1912), 3) „מיין ווייבס משוגעת", אַ שפּאַס אין איין אַקט (פריער געדרוקט אין רייזענס „דאָס נייע לאַנד", ניו־

יאָרק, 18, 17, 1911, שפּעטער אין אַ סעפּעראַט-אויסגאַבע [קאָמע-דיע] אין פאַרלאַג מאַקס יאַנקאָוויטש, ניו-יאָרק, און אויך אין פאַר-לאַג „קונסט און לעבען“, מאָסקווע 1918), 4) „שוועסטער און ברו-דער“, טראַגי-קאָמעדיע אין איין אַקט (צוערשט אין רייזענס „דאָס נייע לאַנד“, ניו-יאָרק, 15 16, 1901, דערנאָך אין אַ סעפּעראַטער אויסגאַבע אין פאַרלאַג „קונסט און לעבען“, מאָסקווע, 1918).

מאַרק ארנשטיין (אַנדזשעי מאַרק)

דראַמאַטישע שריפטן II. פאַרלאַג „קולטור-ליגע“, וואַרשע [אַנט-האַלט: 1) „די נקמה“ (דערשינען פריער אַלס דראַמע אין איין אַקט, אין פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע 1919. [מ. א. האָט שפּעטער פאַרעפנטלעכט אַ בריוו אין רעדאַקציע, אַז עס איז נאָר זיינע אַן איבערזעצונג], 2) „ווען די בלעטער פאַלן“, דראַמאַטישער נאָקטורן אין איין אַקט (צוערשט געדרוקט אין ניו-יאָרקער „צוקונפט“, 1920), 3) „דער פרילינג גייט!“, דראַמאַטישער עטיוד אין איין אַקט (צוערשט געדרוקט אין ניו-יאָרקער „צוקונפט“ 1914), 4) „ווען דער טייוול לאַכט“, שפּאַס אין איין אַקט, (צוערשט געדרוקט אַלס „קאָ-מעדיע“ אין „די צייט“, לאָס אַנדזשעלאָס 1922, און אין „גרויס און קליין“, בוענאָס-איירעס, 1923), 5) „דעם זיידנס מתנה“, אַ קאָמעדיע אין איין אַקט צו שפּילן פאַר יידישע קינדערלעך (צוערשט געדרוקט אין קינדער-זשורנאַל פון די שלום-עליכם-פאָלקס-שולן, ניו-יאָרק, 1921), 6) „די מכשפה“, אַ קינדער-שפּיל אין איין אַקט.

אויף העברעאיש:

„השיר הנצחי“, חזיון מחיי היהודים במערכה אחת, תרגום יהושע קנטרוביץ, הוצאה מה„השקפה“, ירושלים תרס"ז [1903, 16 ז. 16°].

„השיר הנצחי“, מחזה במערכה אחת, תרגום פסח קפלן, הוצאת „הבימה“, ביליסטוק תרע"ג, 1913 [19 ז. 16°].

אויף רוסיש:

„דאָס אייביקע ליד“, פּעטערבורג, 1915.

“Пѣвцы“, драма в 4х д. С. Петербург, 1903, изд. “Еврейской Семейной Библіотеки“.

“Право мужчины“, ком. в 1 д., С. Петербург, 1913, изд. “Театр и Искусство“.

Королева Сабат“, др. в 3 д., С. Петербург, 1913, изд. “Театр и Искусство“.

“За честь женщины“, ком. в 1 д., С. Петербург, 1914, изд. “Театр и Искусство“.

“Опасный флирт“, ком. в 1 д., С. Петербург, 1914, изд. “Театр и Искусство“.

“Весна идет“, др. в 1 д., Варшава, 1912, изд. “Міp Женщины“.

אויף פּויליש:

Wieczna bajka obrazek dramatyczny w 1 ak. Warsawa, 1901, wyd. Gebetner i Wolf.

Bzik mojej Zony, kom. w 1 ak., 1902, wyd. Gebetner i Wolf.

Bociany, dram. w 1 ak., 1903, wyd. Gebetner i Wolf.

Piesniarze, dram. w 4 ak., 1903, wyd. “Izraelita”.

Wodz yudei, dram. w 1 ak., 1906, wyd. “Izraelita”.

Zlodzieje, Kom. w 1 ak., 1912, wyd. “Izraelita”.

Noemi, dram. w 3 ak., 1912, wyd. Gebetner i Wolf.

אויף שפּאַניש:

Cvando las Hojas caen. Nocturno dramatico, 1923, “Mundo Izraelito”, Buenos Aires.

La Lagrima de Dios. Cuento para adultos, 1923. “Vida Nuestra”, Buenos Aires.

Cvando el diablo rie. Boceto dramatico, 1923. “Israel”, Buenos Aires.

אויף ענגליש:

The Eternal Song. One-Act Plays from the Yiddish, 1923. Stewart Kidd Publishers, Cincinnati, U.S.A.

ש. ע.
זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 171-168.
ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II, „רשימה פון פּיעסן“.
ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II, ז. 214.
מ. י—ל. — מאַרק אַרנשטיין אין וואַרשע, „יידישע בינע“, וואַרשע, 3, 1924.

מאַרק אַרנשטיין — ווי אַזוי איך בין געקומען צו דער בינע, „טעאַט. צ"ט“, וואַרשע, 4, 6, 1928.
מאַרק ארנשטיין — שפּילסטו אַ „צדיק“ — שפּיל איך „חסידים“ „טעאַט"צט“, וואַרשע, 8, 1929.
דר. מיכאל וויכערט — אונזערע טענות צו מאַרק אַרנשטיין, „ליט"בל“, וואַרשע, 28, 1928.
מאַרק אַרנשטיין — איר זענט גערעכט, חבר וויכערט!, „ליט"בל“, וואַר-שע, 31, 1928.
„דאָס שלום-עליכם-בוך“, ניו-יאָרק 1926, זז. 6-205.
אלחנן צייטלין — מאַרק ארנשטיין, „טעאַט"צט“, וואַרשע, 6, 1928.
זלמן זילבערצווייג — מאַרק אַרנשטיינס עפּיזאָדען פון יודישען טעאַטער, „לובלינער טאָגבלאַט“, 27 יולי, 1928.
געשיכטע פון די יידישע טעאַטערן אין וואַרשע, „טעאַט"צט“, וואַרשע, 1, 2, 5, 7, 1928.
משה בלעכער — מאַרק אַרנשטיינס אויפפירונג פון לייוויקס „גולם“ אויף יידיש, „טעאַט"צט“, 12-11, 1929.
אלחנן צייטלין — מאַרק אַרנשטיין, „אונז. עקס.“, וואַרשע, 22 פעב.. 1929.

מיכאל וויכערט — „טעאַטער און דראַמע“, וואַרשע, I, ז. 76-71.
ב. י. גאָלדשטיין — „דער ווילנער באַלעבעסל“, „דער טאָג“, נ. י. 12 אָקט. 1923.

ל. קעסנער — „ווילנער בעל הבית'ל“ אין אירווינג פּליים, „אידישעס טאַגעבלאַט“, נ. י. 12 אָקט. 1923.

אָלגין — זיצענדיג אין טעאַטער, „פרייהייט“, נ. י. 12 אָקט. 1923.
יואל סלאָנים — „דער לעצטער משיח“ פון מאַרק ארנשטיין, „דיא וואַר-הייט“, נ. י. 11 פעברואַר 1914.

י. ענטין — מאַרק אַרענשטיין'ס „אַ אידישע טאָכטער“ אין לאָבעל טעאַטער, „דיא וואַרהייט“, נ. י. 20 יאַנואַר 1914.
יאָנאַס טורקאָוו — יידיש טעאַטער אַן יידיש, „ליט"בל“, וואַרשע, 33, 1929.

מאַרק ארנשטיין — ווי איך זע דאָס... „ליט"בל“, וואַרשע, 35, 1929.
יאָנאַס טורקאָוו — די „קעמפער“ פאַר יידישער קולטור, „ליט"בל“, וואַרשע, 36, 1929.
מאַרק ארענשטיין — קלאָרע דבורים, „ליט"בל“, וואַרשע, 39, 1929.
א. גראַפמאַן — אַ רידל זאַמד, „ליט"בל“, 49, 1929.

ארנשטיין, ראָזע

געב. 19 מאַי 1888 אין וואַרשע, פּוילן. על-טערן—אייגנטימער פון אַן אייזן-גיסעריי. גע-לערנט אין אַ פּענסיאָן, געפילט אַ גרויסע נייגונג צו דער בינע, און זיך באַטייליקט אין אַ ליבהאָבער-פאָרשטעלונג פון איר קוזין מאַרק ארנשטיינס פּיעסע „דאָס ווילנער בעל-הביתל“ אויף פּויליש, שפּעטער מיט ליבהאָ-בער אויף יידיש אין „אוריאל אַקאָסטאַ“ אין קאָמפּאַנעיעס טעאַטער. דערנאָך מאַכט זי מיט די ליבהאָבער אַ טורנע איבער דער פּראָווינץ.

איר ערשטע פּראָפעסיאָנעלע בינע-טעטיגקייט הייבט זיך אָן ביי זאַנדבערגן אין לאָדזש אין זעליגס טעאַטער אין דער פּיעסע „רי

„צוויי סערזשאַנטען". דאָ שפּילט זי 2 סעזאָנען, און פאָרט צוריק קיין וואַרשע, וואו זי טרעט אַריין אין ספּיוואַקאָווסקיס טרופּע מיט וועלכער זי פאָרט זעקס יאָר איבער רוסלאַנד. דאַן שפּילט זי צוויי און אַ האַלב יאָר אין זשאַרדען דהיווער, 3 חדשים אין בערלין, מאַכט אַ טורנעע איבער דייטשלאַנד, קומט קיין פּאַריז און שטעלט דאָ צוזאַמען חברים־טרופּעס ביז צום אויסבראָך פון דער מלחמה. דערנאָך העלפט זי מיט צום דערלויבן שפּילן יידיש טעאַטער אין פּאַריז, באַטייליקט זיך אין „פּרץ־טעאַטער", און שפּילט דערנאָך 1 יאָר אין שווייץ, אַ האַלב יאָר אין בעלגיע און אין דייטשלאַנד. די לעצטע יאָרן שפּילט זי פון צייט צו צייט אין פראַנקרייך.

אַמפּלוא — מוטער־ראָליסטין.

מ. ע.

אַרקאָ, איסאַק

געב. 29 יאַנואַר 1891 אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אוקראַאינע. עלטערן—באַזיצער פון אַ שוך־געשעפט. געלערנט אין חדר און 4 קלאַסן פון דער שטאַטישער שול.

נאָך אין עלטער פון 13 יאָר באַטייליקט זיך אין אַ קינדער־פאַרשטעלונג. אין עלטער פון 17 יאָר נעמען אים אַריין די טעאַטער־פאַרוואַלטער גאָלד און בעקער אין אַ קאָאָפּעראַטיווער טרופּע אין קריוואָי־ראָג, פון וואַנען ער שלעפּט זיך אַרום מיט דער טרופּע ביז 1912, ווען ער גייט אַוועק אין מיליטער, און בעת דער מלחמה פאַלט ער אַריין אין געפאַנגענשאַפט. שפּעטער באַגעגנט ער די טרופּע אונטער דער פירונג פון מרים טרילינג, און שפּילט מיט איר אין יעקאַטערינאָסלאַוו ביז דאָס טעאַטער ווערט נאַציאָנאַליזירט. ער וואַנדערט דאַן אַרום מיט יידיש טעאַטער איבער באַטום, באַקו, קאָנסטאַנטינאָפּאָל ביז ער קומט אין 1923 קיין אַמעריקע. דאָ אַרבעט ער אַ האַלב יאָר אין אַ שאַפּ ביז אברהם ליטמאַן נעמט אים אַריין צו זיך אין טעאַטער אין דעטראָיט אַלס אַקטיאָר און סטייִדזש־מענעדזשער.

אַ. איז דעם אַקטיאָר יצחק אַרקאָס ברודערס זון.

מ. ע.

אַרקאָ, יצחק

געב. 1889 אין איוויע, ווילנער גוב. פּויליש־ליטע. פאָטער — אַ האָלץ־סוחר, וועלכער טראָגט זיך איבער קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, וואו אַ. ווערט דערצויגן. דאָרט ענדיקט ער די שטאַטישע שול און באַקומט ווייטערדיקע הויזלעכע בילדונג.

אין עלטער פון 10 יאָר געוואָרן אַ משורר ביים חזן קאַרטאַנסקי, אַ יאָר שפּעטער אַליין אַרומגעפאָרן אַלס חזן, און אין 1901 אָנגעקומען אַלס כאָריסט אין פישזאָנס און ספּיוואַקאָווסקיס טרופּע אין קרעמענטשוג. זיין ערשטע ראָל איז געווען „די הייסע באַבקעלעך" אין „קאָלדוניע". צו 16 יאָר אָנגעהויבן שפּילן דראַמאַטישע ראָלן, און צו 19 יאָר, באַקומענדיק אַ טענאָר־שטים, געוואָרן דער ליבהאָבער אין פישזאָנס טרופּע.

אין 1909 חתונה געהאַט מיט פישזאָנס אַדאָפּטירטער טאָכטער, און 2 יאָר שפּעטער געוואָרן אַ מיט־שותף פון דער דירעקציע. 10 יאָר איז ער דער פאַרוואַלטער פון דער דירעקציע, גלייכצייטיק אויך שוישפּילער.

אין 1916, צוליב מאָביליזאַציע אַנטלאָפן קיין כאַרבין מיט לעבעדיעוו, איריס, קושטשינסקי און פרוי און דאָרט צוזאַמענגעשטעלט אַ טרופּע מיט זיי און פּרץ סאַנדלער, נאַדיאַ נעראָסלאַווסקאַ, שומסקי און פרוי, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען. 3 יאָר געשפּילט אין כאַרבין, און בעת קאָלטשאַקס מאָביליזאַציע אַנטלאָפן קיין כינע, וואו ער שפּילט 2 יאָר יידיש טעאַטער. פון דאָרט אַוועק קיין קאַנאַדע, וואו ער שפּילט 2 יאָר, דערנאָך אָרגאַניזירט אַ קאָאָפּעראַטיווע טרופּע פאַר דער פּראָווינץ פון די פּאַראייניקטע שטאַטן, ביז ער ווערט אַנגאַזשירט דורך עליס גליקמאַן קיין שיקאַגאָ. 2 סעזאָנען שפּילט ער אין דעטראָיט ביי אברהם ליטמאַן, אַ סעזאָן אין באַלטימאָר, 1927־8 שפּילט אַ. ווידער אין דעטראָיט און 1928־9 אין מאָנטרעאַל. 1929־30 — אין ברוקלינער האָפּקינסאָן־טעאַטער.

אַ. האָט אַ קורצע צייט געשפּילט אין רוסלאַנד אויף דער רוסישער בינע, און זיך באַטייליקט אין די דאָרטיקע פילם־בילדער „גאָט פון נקמה" (יאַנקעל שאַפּשאָוויטש) און „חאַסיע די יתומה" (וולאַדימיר).

ש. ע.

אַרקאָ, מאַניע

[פישזאָן]

געב. אין בערדיטשעוו, אוקראַאינע. אַדאָפּטירטע טאָכטער פון די יידישע אַקטיאָרן אברהם פישזאָן און כינקע בראַגינסקאַ. געלערנט אין גימנאַזיע אין יעקאַטערינאָסלאַוו. אין 1906 חתונה געהאַט מיטן אַקטיאָר יצחק אַרקאָ, און הויבט אָן שפּילן. איר ערשטער אויפטריט איז געווען אין אַ קוואַרטעט אין שאַרקאַנסקיס „חפני און פנחס" אין וואַרשעווער זשאַרדען ד'היווער, אין פישזאָנס טרופּע, וואו זי שפּילט ביז 1916. דאַן וואַנדערט זי אויס מיט נאָך אַקטיאָרן קיין כאַרבין, וואו זי שפּילט אין דער דאָרט צונויפגעשטעלטער טרופּע, אין 1921 קומט זי אָן אין קאַנאַדע, וואו זי שפּילט 2 סעזאָנען, און אין 1923 וואַנדערט זי אַרום מיט אַ טרופּע איבער אַמעריקע ביז זי ווערט אַנגאַזשירט אויף 2 סעזאָנען קיין שיקאַגאָ צו עליאַס גליקמאַן, דערנאָך שפּילט זי צו איינצעלנע סעזאָנען אין קליוולאַנד ביי משה שאָר און אין דעטראָיט ביי אברהם ליטמאַן.

אַ. האָט זיך באַטייליקט אין רוסלאַנד אין די פילם־אויפנאַמען פון „גאָט פון נקמה" („באַשקע") און „חאַסיע די יתומה" (קאַראָלינאַ).

צוליב אַן אומגליק־פאַל אין 1927 האָט אַ. געהאַט איבערגעריסן איר בינע־טעטיקייט, אָבער 1929־30 שפּילט זי ווידער אין וויניפּעג.

ש. ע.

אַרקאַ, פּריצי

מ. ע. פון דזשעק בעדאַש

אַ יידישע אַקטריסע, געשפּילט אין דייטשן אָפּערעטן־טעאַטער אין בערלין.

דזשעק בעדאַש אַנגאַזשירט זי אין 1917 פון בערלינער וואַלנער־טעאַטער פאַרן יידישן אָפּערעטן־טעאַטער צענטראַל אין וואַרשע, וואו זי טרעט אויף אין יידיש אַלס „סילוויא“ אין קאַלמאַנס „טשאַרדאַש פירשטין“.

נאָכן שפּילן אייניקע חדשים, קערט זיך א., בעת דער באַפרייאונג פון פּוילן, צוריק אום קיין דייטשלאַנד צו דער דייטשער בינע.

אַש, שלום

געב. 1 יאַנואַר 1880 (לויט דער מוטערס רעכנונג — 4 טעג נאָך פּסח) אין קוטנאָ, פּוילן. פאָטער — געהאַט אַן אַריינפאָר־הויז, שטאַמט פון אַ משפּחה פון שוחטים. געלערנט אין חדר און דערנאָך ביז 15־16 יאָר אין בית־המדרש, שפּעטער אַן אויטאָדידאַקט. צו 18 יאָר אַוועק קיין וולאָצלאַוועק, וואו ער גיט העברעאישע שטונדן. אַרום 1899 אָנגעהויבן שרייבן יידיש אונטער פּרץ׳ס השפּעה, און זיין ערשטע זאַך „משהלע“ געדרוקט אין 1900 אין „יוד“. א. באַזעצט זיך אין וואַרשע, און אין זייער שלעכטע מאַטעריעלע באַדינגונגען דרוקט ער דערציילונגען און בילדער אויף יידיש און העברעאיש. אין 1902 דערשיינט אין פ״ג „תושיה“ זיין ערשטע זאַמלונג „ספּורים“, אָבער ביסלעכוויז פאַרבינדט זיך א. אינגאַנצן מיט דער יידישער ליטעראַטור און שרייבט נאָר אין יידיש.

אין 1904 הויבט א. אָן זיין דראַמאַטורגישע טעטיגקייט. ער פאַרעפנטלעכט זיין פּיעסע „צוריקגעקומען“ א״נ „יצא וחזר“ אין „השלח“ 1904, און גלייכצייטיק אויף יידיש אין פּרץ׳ס „יודישע ביבליאָטעק“ 1904. די פּיעסע דערשיינט דערנאָך א״ט „מיטן שטראָם“ (פ״ג „פּראָגרעס“ 1909). דער צוויי־אַקטער ווערט באַלד אויפגעפירט אויף יידיש און אויף העברעאיש דורך פאַרשיידענע ליבהאָבער־גרופּן און א. אַליין שפּילט „דוד“ אין איינער פון אַזעלכע אויפפירונגען אין דער פּרץ־הערמאַן דראַמאַטישער סטודיע.

די פּיעסע איז שפּעטער אויך אַריין אין רעפּערטואַר פון פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס.

דעם 9טן יאַנואַר 1905 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אויף פּויליש אין קראַקעווער שטאָט־טעאַטער, און דערנאָך אויף דער פּוילישער בינע אין וואַרשע.

די צווייטע פּיעסע, וועלכע א. פאַרעפנטלעכט, איז זיין דראַמע „משיחס צייטן“, וואָס איז פריער געדרוקט אין ווילנער „נייער וועג“, און דערנאָך דערשינען סעפּעראַט („משיחס צייטן — אַ חלום פון מיין פאָלק“ — פ״ג „צוקונפט“, ווילנע 1906). די פּיעסע איז דורכן פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער זעלטן געשפּילט געוואָרן. באַקאַנט זיינען בלויז די אויפפירונגען פון אַדלערן אין ניו־יאָרק און פון מעסטעל און א. לובעצקי אין ווינער „יידישע בינע“. דאַקעגן איז די פּיעסע אַ געוויסע צייט געווען זייער אָפּט אויף די אַפישן פון

די פאַרשיידענע יידישע דראַמאַטישע ליבהאָבער־פאַריינען. די פּיעסע איז א״נ „נאַ פּוטי וו׳סיאָן“ אויפגעפירט געוואָרן דעם 12טן פעברואַר 1906 אין דער רוסישער איבערזעצונג פון יעווגעני טראָפּאָווסקי אין פּעטערבורג, אין קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַס טרופּע, דעם 5טן יולי 1906 איז די פּיעסע געשפּילט געוואָרן אין דער פּוילישער איבערזעצונג פון פ. סאָקאָלאָוו אויף דער וואַרשעווער פּוילישער בינע.

אין 1907 פאַרעפנטלעכט א. זיין דראַמע „גאָט פון נקמה“, וועלכע איז באַלד אַריינגענומען געוואָרן אין רעפּערטואַר פון פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער און אויך אין ליבהאָבער־קרייזן אין דער גאַנצער וועלט. די הויפּטראָל „יעקל שאַפּשאָוויטש“ איז אין אַמעריקע געשפּילט געוואָרן דורך קעסלערן, אין איירָאָפּע דורך מעדערסאָנען.

דער סוזשעט פון דער פּיעסע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע דיסקוסיע אין דער פּרעסע, און אייניקע מאָל איז עס אפילו געקומען דערצו, אַז געוויסע יידישע עלעמענטן, באַזונדערס די כלי־קודש, האָבן געפּרובט פאַרווערן צו שפּילן די פּיעסע, דערקלערנדיק זי אַלס אוממאָראַליש. דוד פרישמאַן האָט אין „טעאַטער־וועלט“ 1, 1908 פאַרעפנטלעכט אַ פּאַראָדיע אויף דער פּיעסע א״נ „גאָט פון רחמים“. א.׳ס דראַמע איז געשפּילט געוואָרן אויף אייניקע אייראָפּעאישע שפּראַכן ווי רוסיש, דייטש (ביי ריינהאַרדטן, די ראָל „יעקל שאַפּשאָוויטש“ — רודאָלף שילדקרויט, וועלכע שפּילט זי שפּעטער אין אַמעריקע אויך אויף יידיש), פּויליש (איין אַקט אין דער איבערזעצונג פון דר. גאָטליב, אויפגעפירט אין פּוילישן [איצט סלאָוואַצקי] שטאָט־טעאַטער אין קראַקע, דעם 27 דעצעמבער 1908 אויפגעפירט געוואָרן דורך קאַראָל אַדווענטאָוויטש אין וואַרשע, דערנאָך אין פאַרשיידענע אַנדערע פּוילישע טרופּעס, פראַנצויזיש (אין דער איבערזעצונג פון ל. בלומענפעלד), אין ענגליש און אין איטאַליעניש. די ענגלישע אויפפירונג מיט רודאָלף שילדקרויט אין דער הויפּטראָל איז דורך דער ניו־יאָרקער שטאָט־פּאָליציי פאַרווערט געוואָרן און די טרופּע איז אַרעסטירט געוואָרן און געמשפּט געוואָרן אין געריכט. די העברעאישע אויפפירונג אין ארץ־ישראל איז ניט דערלאָזט געוואָרן.

אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטען“ (III, 1908) פאַרעפנטלעכט א. זיין היסטאָרישע טראַגעדיע „שבתאי צבי“. די טראַגעדיע איז אין דער באַאַרבעטונג פון יוסף בולאָוו אויפגעפירט געוואָרן אין 1926 דורך דער „ווילנער טרופּע“ אין רומעניע, אָנגעבנדיק אויפן אַפיש אַלס באַזיס פון דער פּיעסע דעם 1טן און 3טן אַקט פון אַשס „שבתאי צבי“ און דעם 2טן און 4טן אַקט פון זשולאַווסקיס „דער סוף פון משיח“. די פּיעסע אין דער זעלבער פאָרם איז אויך אויפגעפירט געוואָרן אין 1928 אין דער „ייד. דראַמ. ליט. געזעל.“ אין שיקאַגאָ.ביידע אויפפירונגען זיינען רעזשיסירט געוואָרן דורך יוסף בולאָוו, וועלכער האָט געשפּילט די טיטל־ראָל. דיזעלבע פּיעסע איז אויך אין 1928 אויפגעפירט געוואָרן אין ריגער „נייער יידישער טעאַטער“ דורך א. שטיין, וועלכער האָט געשפּילט די טיטל־ראָל.

בערך 1908 שרייבט אויך א. אָן זיינע איינאַקטיקע פּיעסן „אמנון און תמר“ (אויפגעפירט דעם 30טן יוני 1919 דורך גראַנאָווסקיס סטודיאָ אין פּעטראָגראַד, רעזשי אַ. גראַנאָווסקי, מוזיק ראַזאָווסקי, און דעם 27טן מערץ 1921 ביי דער „ווילנער טרופּע“, רעזשי מענדל עלקין), „אום ווינטער“ (אויפגעפירט דעם 30טן יוני 1919 דורך גראַנאָווסקיס סטודיאַ אין פּעטראָגראַד, רעזשי א. גראַנאָווסקי, מוזיק קריין) און „דער זינדיקער“ (אויפגעפירט דעם 28טן יוני 1919 דורך גראַנאָווסקיס סטודיאָ אין פּעטראָגראַד, רעזשי גראַ-

נאָווסקי, מוזיק ראָזאָווסקי, און דעם 27טן מערץ 1921 ביי דער „ווילנער טרופּע", רעזשי מענדל עלקין).

אין 1909 דערשיינט א.'ס קאָמעדיע „יחוס" [צוערשט געדרוקט אין זאמלבוך „די יידישע יוגענד", ווארשא, תר״ע, 59 ז. 8°]. די פּיעסע איז באַלד אריינגענומען געוואָרן אין רעפּערטואר פון די ליבהאָבער-קרייזן, און איז אַ קורצע צייט נאָך איר דערשיינען אויפגעפירט געוואָרן אונטער דער השגחה פון מחבר און רעזשי פון יוליוס אדלער, דורך זאַנדבערגס טרופּע אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער, אין פעברואַר 1921 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אין ניו יאָרק אין נייעם יידישן טעאַטער, און דערנאָך אין אַנדערע טרופּעס.

באַלד נאָכדעם ווי די פּיעסע דערשיינט, לייענט זי דער מחבר פאָר אין אַ רוסישער איבערזעצונג אין אַ קרייז פון רוסישע שריפטשטעלער און אַרטיסטן אין פּעטערבורג, און זי דינט אַלס סיבה צו דעם באַקאַנטן טשיריקאָוו-אַראַבאַזשין-סקאַנדאַל.

סוף 1909 באַזוכט א. אַמעריקע, און שרייבט דאָרט אָן אַ קאָמעדיע פון יידישן לעבן אין דער נייער היים „דער לאַנדסמאַן" (אויפגעפירט דורך קעסלערן). די פּיעסע האָט ניט קיין גרויסן דערפאָלג, אויך די אויפפירונג אין אייראָפּע (יוליוס אַדלער אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער) האָט ניט קיין דערפאָלג. דאַגעגן האָט די ווינער אויפפירונג פון דער פּיעסע מיט מאַקס שטערנג אין דער טיטלראָל אין דער „פרייער יידישער פאָלקסבינע" (1919, רעזשי יעקב מעסטל) אַ גרויסן דערפאָלג.

די קאָמעדיע איז אויך געווען די ערשטע פּיעסע מיט וועלכער די „ווילנער טרופּע" האָט אָנגעהויבן איר טעטיגקייט.

אייניקע יאָר שפּעטער איז אין לאָדזשער פּוילישן טעאַטער די קאָמעדיע אויפגעפירט געוואָרן אויף פּויליש דורך טאַטאַרקאָוויטשן.

אין משך פון די יאָרן 1910-14 פאַרעפנטלעכט א. צווישן זיינע פילע בעלעטריסטישע ווערק פאָלגנדיקע טעאַטער-שטיק: די ביבלישע פּרעהיסטאָרישע דראַמע „יפתחס טאָכטער" (פ״ג ב. א. קלעצקין 1913), די צוויי-אַקטיקע דראַמע פון פּוילישן קינסטלערלעבן „דער בונד פון די שוואַכע" („די אידישע וועלט", פּעטערבורג 1912, I-II).

אין 1916 דערשיינט א.'ס דראַמע „דאָס הייליקע מיידל אָדער אַ שנירל פּערל" (אויפגעפירט געוואָרן דעם 10טן דעצעמבער 1925 אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער), אין 1920 א.'ס דראַמע „דער טויטער מענטש" [אויפגעפירט געוואָרן דעם 13טן יאַנואַר 1922 דורך דער שיקאַגער ליטער. דראַמ.-געזעלשאַפט, רעזשי אברהם טייטעלבוים, און דעם 2טן פעברואַר 1922 אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער, רעזשי שוואַרץ], אין 1922 דערשיינט א.'ס „מאַראַנען".

דעם 15טן מערץ 1917 ווערט אין ניו-יאָרקער סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער אויפגעפירט מיט קעסלערן אין דער טיטלראָל א.'ס דראַמע „מאָטקע גנב" (דראַמאַטיזירט דורכן מחבר פון זיין ראָמאַן מיטן זעלבן נאָמען). די זעלבע דראַמע ווערט אין 1921 אויפגעפירט, בעת דעם מחברס באַזוך אין פּוילן, אין וואַרשעווער צענטראַל-טעאַטער, מיט א. סאַמבערג אין דער טיטלראָל, און ווערט דער שלאַגער פון יידישן טעאַטער, אויסהאַלטנדיק אייניקע הונדערט פאָרשטעלונגען אין וואַרשע, און דורכגייענדיק איבער אַלע יידישע בינעס פון דער פּראָווינץ. די דראַמע ווערט אויך שפּעטער געשפּילט אויף העברעאיש אין ארץ-ישראל.

דעם 1 מערץ 1918 ווערט אין ניו-יאָרקער אַדלערס גרענד-טעאַטער אויפגעפירט דורך אַדלערן (אַדלער שפּילט די ראָל „הערש לייב דער בעל-עגלה") אַשס פּיעסע „ווער איז דער טאַטע?" [ספּעציעל פאַר דעם צוועק פריי באַאַרבעט פון מחבר פון זיין פּיעסע „בונד פון די שוואַכע"]. דאַן ווערט געשפּילט דאָס פאָלקסשטיק „פאַר אונזער גלויבן" (געשפּילט געוואָרן דורך פאַרשיידענע יידישע טרופּעס).

יאַנואַר 1924 פאַרעפנטלעכט א. אין "צוקונפט" פראַגמענטן פון זיין ביבלישער דראַמע „יוסף", אַ שעפער-מעשה אין פינף בילדער און אין 1928 פאַרעפנטלעכט א. אין „היינט" פראַגמענטן פון דער זעלבער דראַמע.

דעם 3טן מערץ 1927 ווערט אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער אויפגעפירט דורך שוואַרצן (צו זיין בענעפיס) א.'ס דראַמע „רעוורענד דאָקטאָר סילווער", וועלכע ווערט אָבער געשפּילט נאָר אייניקע מאָל.

דעם 2טן מאי 1928 ווערט אין וואַרשעווער-עליזעאום-טעאַטער אויפגעפירט דורך דער „ווילנער טרופּע" די דראַמאַטיזירונג פון א.'ס היסטאָרישן ראָמאַן „קידוש השם" [צונויפגעשטעלט פאַר דער בינע אין 25 בילדער דורך מיכאַל וויַיכערט, רעזשי מ. וויַיכערט, מוזיק ה. קאָהן, דעק. וו. ווײַנטרויב]. די אויפפירונג האָט אַ ריזיקן דערפאָלג, און ווערט אין וואַרשע אַליין געשפּילט בערך 200 מאָל. דעם 16טן סעפּטעמבער 1928 פירט אויף מ. וויַיכערט דיזעלבע פּיעסע מיט אַ פולשטענדיק נייעם פּערסאָנאַל אין נייעם יידישן טעאַטער אין ריגע, לעטלאַנד.

דעם 14 סעפּט. 1928 ווערט „קידוש השם" אויפגעפירט אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער אין שוואַרצס דראַמאַטיזירונג און רעזשי. אין זעלבן יאָר דערשיינט אין פ״ג „קולטור-ליגע", וואַרשע, א.'ס 4-אַקטיקע דראַמע „קוילן" [2 אַקטן פריער געדרוקט א״נ „די קינדער פון דער ערד" אין „צוקונפט", 1, 2, 1922].

אין 1929 איז אין „אויסגאַבע אַוטאָרן", מינסק, דערשינען: „אָנקעל מאָזעס", פּיעסע אין 3 אַקטן — 14 בילדער (לויט שאָלעם אַש) פון י. מלינעק און ה. פּאַפּאַק. [64 ז. 16°].

א.'ס דראַמאַטישע ווערק אויף יידיש זיינען:

שלום אַש. געזאַמלטע שריפטן. פופצנטער באַנד. פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע, דראַמאַטישע שריפטן. (ביבלישע און היסטאָרישע דראַמען) באַנד I [אַנטהאַלט: „יפתח׳ס טאָכטער", 60 ז. 16°, „שבתאי צבי", טראַגעדיע אין דריי אַקטן און זעקס בילדער מיט פאָרשפּיל און נאָכשפּיל, 88 ז. 16°, „אמנון און תמר", אַ דראַמאַטישע ליד אין פינף געזאַנגען, 73 ז. 16°].

ד. ז. זעכצנטער באַנד. דראַמאַטישע שריפטן (סאָציאַלע דראַמען) באַנד II. [אַנטהאַלט: „גאָט פון נקמה", אַ דראַמע אין דריי אַקטען, 96 ז. 16°, „דער בונד פון די שוואַכע", אַ דראַמע אין דריי אַקטען, 63 ז. 16°, „מאָטקע גנב", אַ פאָלקס-שטיק אין דריי אַקטען מיט אַ פּראָלאָג, 85 ז. 16°, „יחוס", אַ קאָמעדיע אין דריי אַקטן, 93 ז. 16°.]

ד.ז. זיבצענטער באַנד. דראַמאַטישע שריפטן (נאַציאָנאַלע דראַמען) באַנד III. [אַנטהאַלט: „משיחס צייטן", אַ צייט-שטיק אין דריי אַקטן, 75 ז. 16°, „אונזער גלויבן", אַ פאָלקס-שטיק אין פיר אַקטן, 82 ז. 16°, „אַ שנירל פּערל", אַ טראַגעדיע אין פיר אַקטן מיט אַ פאָרשפּיל, 91 ז. 16°, „דער טויטער מענטש", אַ דראַמע אין דריי אַקטן, 84 ז. 16°.]

ד.ז. אַכצנטער באַנד. דראַמאַטישע שריפטן IV. [אַנטהאַלט: „די יורשים" אַ דראַמע אין פיר אַקטן, 106 ז. 16°, „מיטן שטראָם", אַ דראַמע אין צוויי אַקטן, 34 ז. 16°, „דער זינדיגער" אין צוויי סצענעס, 37 ז. 16°, „אום ווינטער", 30 ז. 16°, „מאַראַנען", אַ שטיק אין איין אַקט און צוויי סצענעס, 32 ז. 16°.]

שלום אַש. „קוילן“, דראַמע אין 4 אַקטן, פאַרלאַג „קולטור-ליגע“, וואַרשע 1928 [112 ז. 16°].

אויף העברעאיש:

שלום אש, כל כתבי II. דרמות „האחות הבכירה“ (דרמה במערכה אחת) [אויף יידיש „אום ווינטער“, זז. 167-175], „יצא וחזר“ (דרמה בשתי מערכות) [אויף יידיש „מיטן שטראָם“, זז. 176-198].

שלום אש, כל כתבי. ספר שלישי, „האנוסים“ (מחזה), „שבתי צבי“ (מחזה), הוצאת „דביר“, תל-אביב תרפ״ח.

אויף רוסיש:

Шоломъ Ашъ. САББАТАЙ ЦВИ, трагедія въ 3-хъ Актахъ 6-ти картинахъ съ прологомъ и эпилогомъ [Альманахъ изд. "Шиповникъ", книга пятая, С.П.Б., стр. 1-101].

Шоломъ Ашъ. ЗИМОЮ. Драматическія сцены въ одномъ актѣ [Сборникъ изд. "Знаніе", С.П.Б. 1909, xxviii, стр. 16, 16°].

ВРЕМЕНА МЕССІИ (На пути въ Сіонъ). Драматическая поэма в 3-хъ дѣйствіяхъ. Авторизованный переводъ съ еврейскаго Евг. Троповскаго. [Шоломъ Ашъ. Разсказы и пьесы, томъ вотрой. Изданіе товар. "Знаніе". С. Петербургъ, 1908, стр. 141-198].

ГРѢХЪ [געדרוקט אין דריטן באַנד פון דער זעלבער אויסגאַבע. זז. 227-241].

БОГЪ МЕСТИ. Пьеса въ трехъ дѣйствіяхъ.

[ד.ז. זז. 199-257].

СЪ ВОЛНОЙ. Пьеса въ двухъ дѣйствіяхъ.

[געדרוקט אין דריטן באַנד פון דער זעלבער אויסגאַבע, 1909, די איבערזעצונג איז רעדאַקטירט דורך ש. פרוג. זז. 195-226, פריער געדרוקט מיט קליינע ענדערונגען אין 21טן באַנד פון די זאַמלביכער, „זנאַניע“, 1908].

НАША ВѢРА. (Польскій Еврей). Пьеса въ четырехъ актахъ Шолома Аша [Библіотека "Театра и Искусства", Петроградъ 1916, книга 5-ая, стр. 29-56].

Шоломъ Ашъ. БОГЪ МЕСТИ. Пьеса въ трехъ дѣйствіхъ [Сборникъ изд. "Знаніе". С.П.Б. 1907, xix, стр. 271-329]

„גאָט פון נקמה“, פאַרלאַג „וועלט-בינע“.
„פאַר אונזער גלויבן“.
„משיחס צייטן“, איבערזעצט א. שולץ.

אויף ענגליש:

THE GOD OF VENGEANCE—(In: East and West, New York, 1915, v. 1, p. 324-340).

THE GOD OF VENGEANCE—Drama in three acts by Sholom Ash, Authorized translation from the Yiddish with introduction and notes by Isaac Goldberg, Preface by Abraham Cahan, Boston, The Stratford Co., Publ. MCMXVIII (pp. 99, 24°).

WITH THE CURRENT—(East and West, New York, v. 1, p. 195-199).

THE SINNER—(East and West, New York, 1915, v. 1, p. 5-9. Also criticism by John Erskine, ibid., p. 21-23).

THE SINNER—(In: I. Goldberg's Six Plays of the Yiddish theatre, Boston, 1916, p. 151-175).

NIGHT—(East and West, 1915. v. 1, p. 75-78.)

JEPHTHAH'S DAUGHTER—(East and West, 1915, v. 1, p. 108-117.)

WINTER—(In: I. Goldberg's Six Plays of the Yiddish theatre, Boston, 1916, p. 123-150. Review by "Lucifer" in Jewish Chronicle, London, May 27, 1927, p. 34).

[די ענגלישע איבערזעצונגען פאַרצייכנט לויט דער פּאָבליק-לייברערי אויף 42 סטריט, ניו יאָרק]

אויף דייטש:

SABBATAI ZEWI, Tragödie in Drei Akten (Sechs Bildern) Mit einem Vorspiel und einem Nachspiel, von Schalom Asch. S. Fischer Verlag, Berlin, 1908, [pp. 134, 24°].

DIE FAMILIE GROSSGLUCK, Komödie in drei Akten, von Schalom Asch, S. Fischer Verlag, Berlin, 1909, [pp. 134, 24°].

[„יחוס“, איבערזעצט דורך פּאַוועל באַרכאַן, רייזענס „לעקסיקאָן“ I, ז. 226].

DER SÜNDIGE, Drama in einem Aufzug, übertragen von Alexander Eliasberg, Georg Müller Verlag, München, 1919.

[אין צווייטן באַנד פון עליאַסבערגס „יידישעס טעאַטער“, 22 ז. 16°].

MIT DEM STROM, Drama in Zwei Aufzügen, übertragen von Alexander Eliasberg, Georg Müller Verlag, München, 1919

[אין צווייטן באַנד פון עליאַסבערגס „יידישעס טעאַטער“, 51 ז. 16°].

„אמנון און תמר“, איבערזעצט פון ש. פרוג, געדרוקט אין אַ זאַמלהעפט פון פּעטערבורגער פאַרלאַג, „זנאַניע“ 1909.
„בעלאַיאַ קאָסט“ [„יחוס“].
„דער בונד פון די שוואַכע“.

אויף פּויליש:

„צוריקגעקומען“ [מיטן שטראָם], געדרוקט אין אַ זשורנאַל, רעד. פון סט. זשעראָמסקי.
„גאָט פון נקמה“.
„משיחס צייטן“, איבערזעצט פון פּ. סאָקאָלאָוו.

אויף רומעניש:

SCHALOM ASCH, Dumnezeul Rãzbunãrii, Dramã in 3 acte, Tradusã din idis, de: Schoss-Roman si Cidel-Roman, Bucuresti, 1928, [pp. 79 16°].

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט“ I, זז. 86-173.

ב. גארין — „געש. איד. טעאַט.“ II, זז. 211, 214, 218, 253, רשימה פון פּיעסן.

יעקב גאָרדין — אַלע שריפטען, פיערטער באַנד, נ. י. 1910, זז. 167-171.

דוד פרישמאַן — שריפטען, 3טער באַנד, זז. 66-67.

ס. דובנאָוו-ערליך — שלום אַשס „גאָט פון נקמה“ אויף דער בינע פון טעאַטער „ניעזאַלעזשני“, „פצ״ט“, וואַרשע, 9 יולי, 1926.

י. מאַנגער — שבתאי צבי, דראַמאַטישע מיסטעריע אין 3 אַקטן פון אַש און זשולאַווסקי, „אָוו-וואָרט“, בוקאַרעסט, 18, 1926.

ס. — שבתאי צבי, „אַרב״צט“, טשערנאָוויץ, 211, 1926.

שכנא עפּשטיין — „גאָט פון נקמה“ און אונזערע נייע גאָט׳ס סטראַפּטשעס, „פרייהייט“, 13 יאַנ., 1926.

מיכאל וויכערט — „טעאַטער און דראַמע“, וואַרשע, I, זז. 76-94.

לעד פּענסיל — ווי אַזוי דאָס „ווערטהע פּובליקום“ גיט אַרויס אַן אורטייל אויף אַ פּיעסע, „פאָרוו.“, 6 מערץ, 1918.

אב. קאַהאַן — אַ נייע דראַמאַ פון שלום אַש, „פאָרוו.“, 5 מערץ, 1927.
א. איינהאָרן — שלום אַשס נייע דראַמע רעוורענד דר. זילבער, ליט״בל, 2, 1927.

דר. מיכאל וויכערט — מיין אינסצעניזירונג פון שלום אַשס „קדוש השם“, „ליט״בל“ 9, 1927.

HERMAN KIENZL, "Die Bühne Ein Echo der Zeit", Berlin (1907) [pp. 231-235.]

אב. קאַהאַן — שלום אַש'ס „דער יחוס“ אין דעם נייעם טעאַטער, „פאָרווי.“ 15 פעב. 1921.

משה נאַדיר — „מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס בלוט“, זז. 4־140, 161־165.

דר. י. שיפּער — פּרעמיערן אין „צענטראַל“, „יידיש טעאַטער“, וואַרשע, 1922, V־ IV.

שלום פּריינט — דאָס ערשטע יידישע געזעלשאַפטלעכע טעאַטער אין פּוילן. „יידיש טעאַטער“, וואַרשע, II.

אב. קאַהאַן — „קדוש השם“ אין שוואַרץס קונסט טאַטער. „פאָרווי.“, 22 סעפּט. 1928.

נ. מייזעל א. קאַציזנע — שלום אַשס „קידוש השם“ ביי דער ווילנער טרופּע, „ליט“בל“ 19, 1928.

נ. מ. — די הונדערטסטע פאָרשטעלונג פון אַשס „קדוש השם“, „ליט“בל“ 30, 1928.

מיכאַל וויכערט — שלום אש און דאָס יידישע טעאַטער, „ליט“בל“ 85, 1925.

דר. י. וואָרטסמאַן — „ווער איז דער טאַטע?“, „טאָג“ נ. י., 11 מערץ, 1918.

יואל סלאָנים — „מאָטקע גנב“ אין טהעאַטער, „דיא וואַרהייט“, נ. י., 24 מערץ 1917.

י. ענטין — „ווער איז דער טאַטע?“ אין אַדלער'ס טעאַטער, „דיא וואַרהייט“, נ. י., 6 מערץ 1918.

אשכנזי, איזידאָר

[אייזיק]

געב. 1879 אין פּאַנטשע, רומעניע. עלטערן — סוחרים פון וויין. געלערנט אין אַ חדר און 4 קלאַסן פּרימאַר־שול. די עלטערן שיקן אים קיין טשערנאָוויץ ווייטער צו לערנען, אָבער ער האָט ניט קיין חשק, און פאָרט צוריק אַהיים, פון דאָרט קיין בוקאַרעסט, וואו ער הויבט אָן באַזוכן דאָס יידישע טעאַטער. עטלעכע יאָר באַזוכט ער כסדר די פאָרשטעלונגען אין דער זשיגניצע, ביז ער באַקענט זיך מיט אַ גרופּע „ליבהאָבער“ און זיי שטעלן כמעט יעדע וואָך אַ פאָרשטעלונג. זיין ערשטע ראָל איז געווען „גאָמעץ“ אין „דר. אלמאַסאַדאַ“. אַזוי שפּילט ער בערך 7 יאָר. דאַן פאָרט ער קיין אַמעריקע, וואו ער טרעפט זיין קוזין, דייוו סאַמולעסקאָ, שפּילן אין וואָדעוויל־הויז אויף עלדרידזש סטריט ביי ספּיוואַק, אָבער ער באַקומט דאָ ניט קיין אַנגאַזשמענט און פאָרט קיין שיקאַגאָ, וואו ער טרעט אַריין אין דער טרופּע פון פרענק און מ. ברוין אויף דער 12טער סטריט, דאַן ווערט ער אַנגאַזשירט צו עליאַס גליקמאַן, וועלכער נעמט אַ גרויס טעאַטער, וואו זיי שפּילן אַ גאַנצן סעזאָן. פון דאָרט גייט ער איבער קיין קליוולאַנד צו בערענשטיין, וואו עס קומט אים אויס שפּילן מיט געביל, שענקמאַן און דוואָרקין, און דערנאָך קיין באָסטאָן אין האָפּ־טעאַטער (דירעקציע גאָטליב, לאַטיינער און זילבערט), און דאַן אין דער סביבה פון ניו־יאָרק.

פון אַמעריקע פאָרט ער צוריק קיין רומעניע, און נאָכדעם ווי ער טרעט אויף אייניקע מאָל אין דער זשיגניצאַ (דירעקציע סעגאַלעסקאַ און איציקל גאָלדענבערג), אָרגאַניזירט ער אַ טרופּע אונטער זיין דירעקציע, און שפּילט אַ סעזאָן אין יאַסי, דאַן אַ סעזאָן אין גאַלאַץ, שוין בשותפות מיט עבעלן, פון דאַמאָלט אָן פירט ער אָן מיט פאַרשיידענע טרופּעס איבער רומעניע. אין 1912־3 שפּילט ער אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן־טעאַטער, גאַסטראָלירט דערנאָך אין פּאַריז, ווין און לעמבערג, און ברענגט קיין יאַסי אויף גאַסטראָלן

כמעט די גאַנצע לאָנדאָנער טרופּע. אין 1918־9 פירט ער אָן בשותפות מיט קלאַראַ יאָנג אַ טרופּע אין רוסלאַנד. ווען ער קומט דאַן צוריק קיין רומעניע, ברענגט ער אַראָפּ אין זיין טעאַטער אַלס גאַסטראָלערן קלאַראַ יאָנג, יאָזעף קעסלער און מאַלי פּיקאָן.

אין 1926 איז אַ. ערנסט קראַנק געוואָרן און ווערט אָפּערירט. זייט דאַמאָלט האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע, אַרויסטרעטנדיק בלויז אויף זיינע ערן־אָוונטן.

אמפּלואַ — כאַראַקטער־קאָמיקער.

ש. ע.

אשכנזי, מירע

געב. 16 נאָוועמבער 1898 אין קרעמענטשוג, אוקראַאינע. פאָטער — אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער. געענדיקט אַ מיטלשול אין קרעמענטשוג, דערנאָך שטודירט ביזן צווייטן קורס פון מעדיצינישן פאַקולטעט אין כאַרקאָווער אוניווערזיטעט.

טעאַטראַלע בילדונג באַקומען אין אַ פּריוואַטער באַלעט־שול אין כאַרקאָוו און אין דער מלוכהשער טעאַטער באַלעט־שול אין מאָסקווע, וואו זי באַטייליקט זיך 1920־1 אין די פאָרשטעלונגען, וועלכע עס פירט אויף די דראַמאַטישע סטודיע ביים באַלעט.

זייט 1921 אַריינגעטראָטן אין מי“מט, און זיך אויך באַטייליקט אין פילם „יידישע גליקן“, רעזשי א. גראַנאָווסקי.

ש. ע.

אשכנזי, צילע

[פעפער]

געבוירן אין לעמבערג, מזרח־גאַליציע. פאָטער — אַ בעקער. געענדיקט אַ קרייז־שול. געזונגען אין אָרטיקן טעמפּל צוזאַמען מיט רעגינע צוקערבערג, און דערנאָך אַריינגעטראָטן אין כאָר פון גימפּעלס יידישן טעאַטער, וואו זי איז געווען 3 יאָר און אויך געשפּילט קליינע ראָלן. פון דאָרט אַריבער אויף אַ יאָר אין כאָר פון פּוילישן טעאַטער, און אין דער זעלבער צייט געטאַנצט אין באַלעט. צוליב קראַנקהייט איבערגעריסן אויף אַ האַלב יאָר איר בינע־טעטיגקייט, און דערנאָך צוזאַמען מיט איר שוועסטער, די פרוי פון אַקטיאָר עבעל, געפאָרן קיין רומעניע, וואו איר שוואָגער האָט געהאַט אַ טרופּע בשותפות מיט איזידאָר אשכנזין. דאָ הויבט זי אָן שפּילן גרעסערע ראָלן, באַזונדערס מוטער־ראָלן.

נאָך דער חתונה מיט אשכנזין שפּילט זי (אַ חוץ אין לעמבערג) כסדר מיט אים. אין 1926 האָט זי זיך פאָרלויפיק צוריקגעצויגן פון דער בינע.

מ. ע.

אַשעראָוויטש, מ.

געבוירן 14 יאַנ. 1888 אין טראַסטיאַנעץ־פּאָדאָלסק, אוקראַאינע. פּאָטער — אַן אָרימער אייזנקרעמער. ביז 13 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך עקסטערן. אין עלטער פון 17 יאָר זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט טעאַטער און באַקומען ביי די וואַנדערנדע יידישע טרופּעס די געלעגנהייט צו פאַרטרעטן „ראָלן" ווען עס פלעגט אויספעלן אַן אַקטיאָר. נאָכן אָפּפאָרן פון די אַקטיאָרן, גרינדעט ער מיט דער אינטעליגענץ פון שטעטל אַ „ליבהאָבער"־גרופּע, און פירט אויף ליבינס „געבראָכענע הערצער".

דערנאָך לאָזט ער זיך וואַנדערן קיין אויסלאַנד. וואָגלט איבער עסטרייך, אונגאַרן, סלאַוואָניע, קומט צוריק אַהיים, פאָרט קיין א"י און קומט צוריק קיין רוסלאַנד וואו ער דינט אַ יאָר אין מיליטער.

אָנהויב 1910 געקומען קיין אַמעריקע מיט דער כונה צו ווערן אַ יידישער אַקטיאָר, אָבער צוליב פאַמיליע-סיבות דאָס נישט רעאַליזירט. געאַרבעט אין אַ שאַפּ. אין 1909 דעביוטירט מיט אַ ליד אין באַדערס זמ"ב „שטראַלן", און דערנאָך אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן ליטעראַרישע אַרבעטן אין פאַרשיידענע פעריאָדישע אויסגאַבן. זייט 1914 שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט (אויך אין „וועקער") אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען, ביאָגראַפיעס, כאַראַקטער־פּאָרטרעטן און מאָנאָגראַפיעס פון יידישע און ניט-יידישע שוישפּילער.

אין 1918 דעביוטירט מיט דער קאָמעדיע „יאָ פאַרהייראַט — ניט פאַרהייראַט", קאָמעדיע פון יידישן באָהעמע־לעבן, פון אים און ה. גאָטעספעלד, אויפגעפירט דורך שילדקרויט און שניצער. דאַן געשריבן די דראַמאַטישע אָפּערעטע „צאַרעוויטש פיאָדאָר" (אויפגעפירט מיט מוזיק פון רומשינסקי אין סעקאָנד עווענױ-טעאַטער), איבערזעצט יעווריאַינאָווס „הויפּטזאַך" (אויפגעפירט אין אוירווינג פּליים-טעאַטער), אַלעקסיי טאָלסטאָי און פּאַוועל שטשעגאָלעווס דראַמע „ראַספּוטין און די צאַריצאַ" (אויפגעפירט דורך דער „ווילנער טרופּע" אין ליפּצין־טעאַטער), יורי יוריןס דראַמע „דער קעניג אין שמאַטעס" (אויפגעפ. דורך טאָמאַשעווסקין), און די 2 נאָך ניט געשפּילטע איבערזעצונגען „אַ קוש דורך ראַדיאָ" פון יעווריינאָוו און „דאַנטאָנס טויט" פון אַלעקסיי טאָלסטאָי.

דעם 23 יאַנ. 1928 איז אין נייַשאָנאַל־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך סעמיועל גאָלדענבורג אָ.ס דראַמע „אַלכסנדר פּושקינס ליבעס".

אָ. האָט אָנגעשריבן אַ גרעסערע מאָנאָגראַפישע אַרבעט וועגן דוד קעסלער אַלס שוישפּילער און מענטש פאַרן „אַרכיוו פון דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער", אַרויסגעגעבן דורך „ייוואָ" (רעדאַקציע דר. י. שאַצקי). דיזעלבע אַרבעט מיט צוגעגעבענע קאַפּיטלען צוזאַמען מיט אַ מאָנאָגראַפיע איבער מוני וייזנפריינד גרייט אָ. אַרויסצוגעבן אין אַ באַזונדער בוך.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 186-8.

אב. קאַהאַן — די קאָמישע זייט פון אַ טיפע דראַמע, „פאָרוו." 30 נאָוו. 1920.

דר. א. מוקדוני — צאַרעוויטש פיאָדאָר, „מאָ"זש", ניו־יאָרק, 22 אַפּריל, 1927.

א. גלאַנץ — מאַלי פּיקאָן אין איהר נייער ראָל אַלס „צאַרעוויטש פיאָדאָר", „טאָג", ניו־יאָרק, 15 אַפּריל, 1927.

ב. באָטווייניק — אָשעראָוויטש'עס „צאַרעוויטש פיאָדאָר", „וועקער", ניו־יאָרק, 14 מאַי, 1927.

ב. י. גאָלדשטיין — „צאַרעוויטש פיאָדאָר", פר"אשט", ניו־יאָרק, 29 אַפּריל, 1927.

נ. בוכוואַלד — אי אַ שיינע „שאָו", אי מאַלי פּיקאָן, „פרייהייט", ניו־יאָרק, 22 אַפּריל 1927.

פּאָמפּאַדור — צאַרעוויטש פיאָדאָר, „דער גרויסער קונדס", ניו־יאָרק, 15 אַפּריל, 1927.

ל. קעסנער — צאַרעוויטש פיאָדאָר, „ייד"טבל", ניו־יאָרק, 15 אַפּר. 1927.

רעגידעבעל — דראַמע איין דראַמע אויס, „דער גרויסער קיביצער", נ. י., 7 דעצעמבער, 1923.

אב. קאַהאַן — „די הויפּט־זאַך", אַ קאָמעדיע אין אוירווינג פּליים טעאַטער, „פאָרוו." 10 דעצ. 1923.

דער קריטיקער — אין טעאַטער, „גערעכטיגקייט", נ. י. 14 דעצ. 1923.

באָד־גוי, באָרים

(זע אַלטמאַן באָרים).

באַדין, מאַקס
[מוני באַדיאַן]

געב. 27 יולי 1889 אין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע, עלטערן-באַזיצער פון „האָטעל לאַנדוי", וואו אַקטיאָרן וואוינען. אַלס קינד געקומען קיין אַמעריקע, געלערנט אין פּאָבליק און האַיסקול.

פון דער פריער יוגנט פלעגט ב. זיך דרייען אַרום די יידישע וואָדעוויל-הייזער, ביז מאַרגנבעסער גיט אים אין 1904 אין קלינטאָן וואָדעוויל-הויז די „ראָל פון אַ בריוו-טרעגער", דערנאָך הויבט ער אָן שפּילן קינדער-ראָלן אין טאָמאַשעווסקיס פּיפּלס-טעאַטער. אין 1906 גרינדעט ב. אין ברוקלין אַ דראַמאַטישן קלאָב וואָס פירט אויף אונטער דער אָנפירונג פון אבא שיינגאָלד און צעזאר גרינבערג די פּיעסע „טייבעלע" („הערצעלע מיוחס") פון ריכטער, און ב. שפּילט די ראָל „אייזיקל". דערנאָך הויבט ב. אָן אַרומפאָרן מיט א. לעווענשטיין, און שפּילט שפּעטער איניקע יאָר וואָדעוויל. אין 1909 שפּילט א. צום ערשטן מאָל אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר לעגיטים-טעאַטער („מנוח" און „שולמית") אין דער טרופּע פון סיימאָן אין פּיטסבורג, 1910 — ענגליש וואָדעוויל אין ברוקלינער ליריק טעאַטער, 1911 — אין ווילעט וואָדעוויל-הויז מיט בערנאַרד עלווינג, 1912 — וואָדעוויל אין פּיטסבורג, 1913 — וואָדעוויל אין עסעקס-טעאַטער, 1914 — אין באָסטאָן ביי אָסקאַר גרין, 1915 — אין באָסטאָן ביי לעווי-טאַן, 1916 — אין מינעאַפּאָלים און סט. פּאָול, 1917 — טשעלסי, מאַסס., אין יאָלדען-טעאַטער ביי לעוויטאָן, 1918 — לענאָקס-טעאַטער אין ניו-יאָרק, 1919 אין ברוקלינער ליריק, 1920 — ביי טאָמאַשעווסקין אין פילאַדעלפיע, 1921 — אין סט. לואיס, 1922 — אין ניו-יאָרקער וואָדעוויל גרענד-טעאַטער, 1923 — אין באָסטאָן ביי דזשוליוס נאַטאַנסאָן און אָסקאַר גרין, 1924 — באָסטאָן ביי דזש. נאַטאַנסאָן, 1925 און 1926 — ליבערטי טעאַטער ביי ראָלאַנד, 1927 — באָסטאָן ביי דזש. נאַטאַנסאָן, 1928 — ליבערטי טעאַטער ביי אַנשעל שאָר און 1928-30 אין ניו-יאָרקער נייַשאָנאַל-טעאַטער.

ב. איז אַ ליריק-שרייבער, און אַ סך פון זיינע לידער זיינען געדרוקט און אַריינגעזונגען געוואָרן פאַרן פאָנאָגראַף.

ב. איז פאַרהייראַט מיט דער סוברעטין עני לובין.

ב. איז אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיוו פון דער יוניע.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער-ראָלן.

ש. ע.

באַדער, גרשם



געב. 21 אויגוסט 1868 אין קראָקע, מערב-גאַליציע, אין אַ משפּחה, וואָס פירט איר יחוס פון ש״ך און פון של״ה. ביז 7 יאָר דערצויגן געוואָרן אין שטעטל אָשפּיצין, דערנאָך אין קראָקע. גמרא געלערנט אין דער היים ביי מלמדים און ביים פאָטער. עטלעכע יאָר געלערנט דייטש, אַ קורצע צייט באַזוכט די דאַמאָלטיקע „תלמוד-תורה כללי״, וואו מען האָט שוין אויך געלערנט פּויליש, דערנאָך געלערנט אין בית-המדרש, אַ יאָר צייט פאַרבראַכט אין הויז פון קראַקעווער רב ר׳ שמעון סופר (אַ זון פון „חתם סופר״), איבערגעשריבן זיינע דרשות און חידושי ש״ס. צו 14 יאָר אַוועק צופוס פון קראָקע קיין בערלין אָנצוקומען אין אַ ראַבינער-שול, אָן ערך 8 חדשים ארומגעוואַנדערט איבער דייטשלאַנד, אויס נויט געמוזט זיך צוריקקערן אַהיים און געוואָרן אַ לערער אין דערפער פון דער קראָקעווער סביבה.

1888 נעמט ב. איבער די רעדאַקציע פון וואָכנבלאַט „השמש״ אין קאָלאָמיי, 1891 ווערט ער לערער פון העברעאיש אין קראַקאַווער לערער-סעמינאַר, גיט ארויס אייניקע בראָשורן אויף העברעאיש, און אַ פּוילישע איבערזעצונג פון דער סדרה בראשית לויטן ליניען-סיסטעם.

1894 באַזעצט זיך ב. אַלס לערער פון העברעאיש אין דער שול א״נ פון טשאַצקי אין לעמבערג. דאָ ווערט ער טעטיק אין געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַרישן לעבן פון גאַליצישן יידנטום.

אין 1904 גרינדעט ב. אין לעמבערג די ערשטע יידישע טעגלעכע ציישונג אין גאַליציע „טאַגבלאַט״. אין דער צייטונג פאַרעפנטלעכט ער אַ גרעסערע צאָל אַרטיקלען און קריטיק וועגן יידישן טעאַטער. שטייענדיק אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט די יידישע שוישפּילער גרינדעט ב. (צוזאַמען מיט יוליוס גוטמאַן, מתתיהו טהור און נאַרמאַן גלימער) אין 1908 דעם „גאָלדפאַדען-פעראיין״, וואָס זיין ציל איז „צו באַשיצן די גייסטיקע און ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן פון די בינע-קינסטלער״. אין פאַריין זיינען אויסער אַקטיאָרן און שריפטשטעלער אויך אַריינגענומען געוואָרן אַלס מיטגלידער מוזיקער און כאָריסטן. ב. איז אַ געוויסע צייט אויך געווען דער פּרעזידענט פון דאָזיקן פאַריין.

אין 1910 איז אין ניו-יאָרק אויפגעפירט געוואָרן ב.׳ס 4-אַקטיקע דראַמע „אין קעלער״ (מיט קעני ליפּצין).

אין דער אויסגאַבע 1912 פון זיינע יאָרביכער „ג. באַדערס יידישער פאָלקס-קאַלענדאַר״ האָט ב. פאַרעפנטלעכט די ביאָגראַפיעס און פאָטאָגראַפיעס פון די מיטגלידער פון „גאָלדפאַדען-פעראיין״, און דערמיט געמאַכט אין אייראָפּע דעם ערשטן פּרוב צו פאַרעפנטלעכן די פאָטאָגראַפיעס און ביאָגראַפיעס פון יידישע אַקטיאָרן.

אין 1912 באַזעצט זיך ב. אין ניו-יאָרק, און דאָ ווידמעט ער זיך דער יידישער זשורנאַליסטיק און טעאַטער, און אַזוי ווערט נאָך אין זעלבן יאָר אויפגעפירט אין אַגעדס קלינטאָן-טעאַטער ב.׳ס 4-אַקטיקע דראַמע „דער רב אין פייער״, זיין 4-אַקטיקע דראַמע „צווישן ליבע און טויט״ און זיין 3-אַקטיקע דראַמע „פרוי בלייבט פרוי״.

אין 1919 ווערט אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער אויפגעפירט מיט זאַץ זיין 3-אַקטיקע אָפּערעטע מיט אַ פּראָלאָג, „דעם רבינס ניגון״ (מוזיק פון רומשינסקי) און אין 1920 פירן טאָמאַשעווסקי און קעסלער אויף זיין 5-אַקטיקע דראַמע „די גאָלדענע רויזע״ אַלס מוזיקאַלישע דראַמע (מוזיק ה. וואָהל).

ב. האָט אָנגעשריבן נאָך אייניקע פּיעסן, וועלכע זיינען נאָך ניט אויפגעפירט געוואָרן. געדרוקט זיינען פאָלגענדיקע פּיעסן:

„זשורנאַליסטן״, פאַרס אין 1 אַקט — אין זאַמלהעפט „שטראַהלען״, לעמבערג, 1907 (רעדאַקטירט פון באַדער).

„אין די הויכע פענסטער״, קאָמעדיע אין 1 אַקט — „ג. ב. יידיש פאָלקס-קאַלענדאַר״, לעמבערג, 1912.

„דער קהל׳ישער זקן״, טראַגעדיע אין 1 אַקט — „יידישעס טאַגעבלאַט״.

און אין אַ סעפּעראַטער אויסגאַבע:

„ר׳ ישראל בעל שם טוב״, היסטאָרישעס פאָלקשטיק אין פיער אַקטען פון [....], לעמבערג, 1922 [68 ז. 16⁰].

מ. ע.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״, I, זז. 190-3.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״, II, „רשימה פון פּיעסן״.

באָושאָווער, יוסף

[געב. 30 סעפּט. 1873 — געשט. 25 דעצ. 1915]

געב. 30 סעפּט. 1873 אין ליבאַוויטש, מאָהילעווער גוב., אוקראַאינע. פאָטער — אַ סוחר, אַ למדן, אַ פאַנאַטיקער. געלערנט אין חדר און ביים פאָטער, און אין דער פריסטער יוגנט אַוועק אַרבעטן אין אַ מעל-געשעפט. צו 18 יאָר אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, דאָ געוואָרן אַ פוטער-אַרבעטער. ווערנדיק אַריינגעצויגן אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, הויבט ער אָן שרייבן סאָציאַלע און רעוואָלוציאָנערע לידער, וועלכע ער גופא לייענט פאָר אין שאַפּ, און פאַרלירט דורכדעם זיין פּאָסטן. אַ ברודער עפנט אים אַ קראָם, אָבער ער צעטיילט די סחורה צווישן גוטע ברידער און פריינט. אַ טיפּ פון אַן עכטן באָהעמע, קען ער זיך אויך ניט האַלטן אויף אַ פּאָסטן ביי זיין ברודער, און הויבט זיך אָן אינטערעסירן מיטן יידישן טעאַטער פאַר וועלכן ער זעצט איבער „שיילאָק״ (שאַילאָק, אָדער דער קויפמאַן פון ווענעדיג פאָן וויליאַם שעקספּיר, איבערזעצט פאָן י. באָושאָווער, ניו-יאָרק, (יאָר?) היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני). [116 ז. 16°]. דאָס גאַנצע ווערק איז איבערזעצט אין גראַמען, און האָט אויך אַ קורצע ביאָגראַפיע פון שעקספּירן און אַ פאָרוואָרט פון איבערזעצער. ב. האָט אויך איבערזעצט „פאַוסט״ און שילערס „קאַבאַלע און ליבע״ (ביידע ניט פאַרעפנטלעכט).

שוין אין עלטער פון 22 יאָר הויבט ב. אָן אַרויסווייזן סימנים פון פּסיכישער קראַנקהייט, און זייט 1899 איז ער אַריין אין אַ ניו-יאָרקער שפּיטאָל פאַר גייסטיק-קראַנקע, וואו ער איז דעם 25טן דעצ., 1915, געשטאָרבן.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״, I, זז. 193-6.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט״, II, „רשימה פון פּיעסן״.

„אידישע ליטעראַטור״, כרעסטאָמאַטיע, ערשטער טייל, קיעוו, 1928, זז. 362-70.

באַזעלינסקי, נחום

[געב. 1836 — געשט. 1901]

געב. אין 1836 אין זשיטאָמיר [?], ביי אַ רייכער פאַמיליע. זלמן רייזען רופט אים אין „לעקסיקאָן" (I ז. 899), געשטיצט אויף ב. גאָרינס „געשיכטע פון אידישען טעאַטער" (II ז. 51) „וואזעלינסקי", און גיט אָן אַז „ב. איז געווען אַ שוסטער פון אָדעס."

די אַקטיאָרן בליפעלד און טאַבאַטשניקאָוו גיבן אָבער איבער, אַז באַזעלינסקי (ניט וואַזעלינסקי) האָט טאַקע געוואוינט אין אָדעס, נאָר ער איז ניט געווען קיין שוסטער, נאָר געהאַט אַ שוך-געשעפט. ב. זאָל זיין געבוירן אין זשיטאָמיר, און האָט געלערנט צוזאַמען מיט גאָלדפאַדענען אין דער דאָרטיקער ראַבינער-שול. ב. זאָל אויך האָבן פאַרפאַסט אַ פּיעסע „דער בלבול", וועלכע גאָלדפאַדען האָט באַארבעט אַלס „דר. אַלמאַסאַדאַ".

כינע בראַגינסקאַ-פישזאָן גיט איבער, אַז איר טרופּע האָט אין בערדיטשעוו געשפּילט ב.'ס פּיעסע „דער יידישער דאָקטאָר".

משה שאָר געדענקט ב. אין די יאָרן 1882-3 אַלס דירעקטאָר פון אַ פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט אין אָדעס.

ב. האָט פאַרפאַסט די פּיעסע „די משוגענע אוים ליבע", וועלכע איז אין די 80-ער יאָרן, באַלד ביים אָנהייב פון יידישן טעאַטער, מיט אַ גרויסן דערפאָלג געשפּילט געוואָרן צוערשט אין רוסלאַנד, דערנאָך אין אַנדערע לענדער, און שפּעטער אין אַמעריקע. די פּיעסע איז געווען פון די ערשטע דראַמעס אויף דער יידישער בינע.

אין 1881 האָט ב. איבערזעצט און אַרויסגעגעבן „אסתר", אַ טראַגעדיע אין פינף אַקטן פון לודוויק פיליפסאָן, „איבערזעצט אין דער יודעשען שפּראַכע און אַראַנזשירט פיר דער ביהנע פון נ. ב. באזאלינסקע [אָדעס, 84 ז. 8°]."

אין דער אוניווערזיטעט-ביבליאָטעק פון ירושלים געפינען זיך פאָלגנדיקע 2 פּיעסן פון ב:

„די שטילע חתונה" אָדער „די פערפאָלגטע ליעבע", פערפאַסט פון נ. ב. באַזילינסקי, אין אדעססא 18 נאָוועמבער 1880 [„משוגענע אוים ליבע"?] הערויסגעגעיבען דורך א. באַזילינסקי" [56 ז. 16°, צענזורירט אין קיעוו 24 יוני 1905, אַלזאָ דאַמאָלט בערך געדרוקט].

„גדליהו'ס טויט" [אָן אַ שער-בלאַט, באַארבעטונג פון פיליפּסאָנס „גדליהו", 72 ז. 16°, אויך אַרויסגעגעבן פון א. באַזילינסקי, (רוסיש באַזעלינסקי), וועלכער זאָגט צו אין דער צווייטער אויסגאַבע צו ברייננגען אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון מחבר, און באַנוגנט זיך דערווייל מיט אַ קורצער עפּיטאַפיע אויף העברעאיש, אנגעבנדיק די געבורט און טויט-דאַטן פון מחבר ווי אויך זיין בילד].

ב. איז געשטאָרבן אין 1901.

מ. ע. פון יצחק בליהפעלד, ש. טאַבאַטשניקאָוו, משה שאָר, כינע בראַגינסקאַ־פישזאָן און אברהם פישקינד.

ש. ע. פון מרים זילבערצווייג און בן־ציון ידידיה.

ב. גארין — „געש. איד. טעאַט." II, ז. 51.

ב. גארין — „געש. איד. טעאַט." (רשימה פון פיעסן).

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I. ז. 899.

י. ש. — אומבאַקאַנטע יידישע דראַמאַטורגן, „פנקס", ניו־יאָרק, 1928, 3, ז. 271.

זלמן זילבערצווייג — וועגן די אומבאַקאַנטע יידישע דראַמאַטורגן, „פנקס", נ. י. 5, 1929.

יעקב פּ. אַדלער — „מיין לעבען", „די נייע וואַרהייט", 13 אַפּריל, 1925.

באַטאַשאַנסקי, יעקב

געב. 6 אויג. 1895 [לויט רייזענס „לעקסיקאָן" 1892] אין קיליע, בעסאַראַביע. פאָטער אַ שוחט. געלערנט אין חדר, אין קעשעניעווער ישיבה, דערנאָך עקסטערן אין אָדעס, וואו ער האָט אין 1912 אָפּגעדרוקט עטלעכע רייזעבילדער און דערציילונגען אין „גוט-מאָרגען", אויך אַרטיקלען אין איזמאַאילער „פרידונאַיסקי קראַי". ביים אָנהייב פון דער וועלט-מלחמה אנטלאָפן קיין רומעניע, געווען אַרעסטירט פאַר סאָציאַליסטישער טעטיגקייט, און מיטאַרבעט אין רומענישע און יידישע פעריאָדישע אויסגאַבן, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט צ. א. פיל אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער.

אין 1915 האָט ב. אנגעשריבן אַ דראַמע „לעצטע" און זי אויפגעפירט מיט האַלב-פּראָפעסיאָנאַלן אין פיל רומענישע שטעט, דערונטער אויך אין דער בוקאַרעסטער זשיגניצע.

אין 1917 גרינדעט ב. אין בוקאַרעסט צוזאַמען מיט יעקב שטערנבערג אַ יידיש רעווי-טעאַטער, פאַר וועלכן ער שרייבט אָן די רעווים „צימעס", „בוקאַרעסט—ירושלים", „פאַרעווערדע — גרינע בלעטער", „אין מיטן דרינען", „אויפן בוידעם אַ יאַריד", „איקס, מיקס, דריקס", „קוקוריקו" און „שלום-עליכם". די רעווים זיינען געשפּילט געוואָרן דורך מרדכי און חיים מאיר סעגאַלעסקאַ, לעאָפּאָלד און שרה קאַנער, יצחק גאָלדענבערג און ל. בערגער. דערנאָך ווערט ב. פאַרוואַלטער אין קלאַראַ יאָנגס טרופּע, און שפּעטער שרייבט ער רעווים פאַר זיגלערס טרופּע.

אין 1920 ווערט ב. דער ליטעראַרישער לייטער פון דער ווינער „פרייער יידישער פאָלקס-בינע", בעת אירע גאַסטראָלן אין רומעניע.

הערבסט 1923 באַזעצט זיך ב. אין בוענאָס-איירעס, וואו ער ווערט אַ מיטרעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער צייטונג „די פּרעסע", אין וועלכער ער פירט אויך אָן מיט דער טעאַטער-אָפּטיילונג.

אין 1926 דערשיינט ב.'ס בוך „נאָך דער פאָרשטעלונג". (גראַטעסקן און בילדער פונם אידישן אַקטיאָרן-לעבן) „פאַרלאַג שלייפער", בוענאָס איירעס [173 + 3 ז. 16°].

אין חודש-זשורנאַל „דרום-אַמעריקע" דרוקט אָפּ ב. אַ דראַמע אין 4 אַקטן „ר' בער", און אין דער „פּרעסע" זיין 3-אַקטיקע דראַמע „צווישן רעוואָלוציאָנערן".

אין 1927 דערשיינט ב.'ס „הערשעלע אסטראָפּאָליער" (טראַגי-קאָמעדיע אין 4 אַקטן מיט אַן עפּילאָג), פאַרלאַג „אויפגאַנג", בוענאָס איירעס, [1927, 42 ז. 16°], וועלכע איז נאָך אין 1923 אויפגעפירט געוואָרן אין אַ פריערדיקער פאָרם אַלס איינאַקטער, אין בוקאַרעסטער יידישן טעאַטער.

ב. האָט איבערזעצט בראַמסאָנס פּיעסע „גליק", וועלכע באַראַטאָוו האָט דעם 5 אַפּריל 1924 אויפגעפירט אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער א"נ „דער אייביקער ליגן".

ב. איז געווען איינער פון די אָנפירער פון קאַמף קעגן דער קרובה-שאַפט צווישן דער אונטערוועלט און דעם יידישן טעאַטער אין אַר-

נענטינע, און איינער פון די הויפט-גרינדער פון דער געזעלשאַפט „פאָלקס-טעאַטער", וועלכע האָט געשפּילט אין בוענאָס-איירעס אַ סעזאָן מיט זאַסלאַווסקין בראש און געווען די ערשטע ניט אַריינצו-לאָזן אין טעאַטער די אַזוי גערופענע „טמאים".

ב. האָט געגרינדעט אין ב. א. אַ גרופּע פאַר עקספּערימענטאַלער קונסט א"נ „יונג אַרגענטינע", און איז רעזשיסער אין אַ דראַמאַטישן קרייז.

אין 1928 האָט ב. פאַרעפנטלעכט אין דער יובילײ-אויסגאַבע פון „די פּרעסע" זיין שפּאַס אין 2 אַקטן „גאָט זיצט אויבן . . ."

ב. האָט אויך אָנגעשריבן אַ דראַמע „קאָלומבוס" מיטן אָנטדע-קער פון אַמעריקע אַלס הויפּט-העלד, און אַ דראַמע „דער געפאַלע-נער צדיק", געבויט אויף דער געשיכטע פון ליאָוער רבין (ר' ישראל ריזשינערס זון).

אין 1929 האָט ב. אויפגעפירט מיט אַ דראַמאַטישער סטודיע אין בוענאָס-איירעס אברהם ווייוויאָרקאַס דראַמע „נפתלי באַטווין".

ב. איז געווען אַ מיטגליד אין אַרגענטינער פאַרלאַגס-קאָמיטעט פון „לעקסיקאָן".

ש. ע.
זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 8-197.
נ. וויניג — קריטיק און ביבליאָגראַפיע, „ביכער-וועלט", וואַרשע, 3, 1928, זז. 51-49.
י. ב. — רעצענזיעס, „ליט"בל". 127, 1929.
יעקב באַטאַשאַנסקי — אונזער אַלבום, „דער שפּיגל", ב. א. 11 יולי, 1929.

באַטווינִיק, בערל

געב. 24 דעצ. 1885 אין ראַקאָוו, מינסקער גוב., ווייס-רוסלאַנד. פאָטער — אַן אָרעמער סטאָלער. ביז 13 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך אין מינסקער ישיבה. צו 16 יאָר געוואָרן אַ שילדן-מאָלער, אַריינגעצויגן גע-וואָרן אין דער בונדיסטישער באַוועגונג, גע-ווען אַרעסטירט פאַר פאַרשפּרייטן אומלעגאַ-לע ליטעראַטור, דערנאָך געווען טעטיק אומ-לעגאַל א"נ „בערעלע דער מאָליער". אין אָקטאָבער 1905 וואַנדערט ב. אויס קיין אַמע-ריקע, דאָ פאַרנעמט ער זיך די ערשטע צייט מיט זיין פאַך, באַ-טייליקט זיך אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, און נאָכ-דעם ווי ער דעביוטירט אין 1909 מיט צוויי דערציילונגען, וואַרפט ער ביסלעכווייז זיין פאַך און ווערט אַ מיטאַרבעטער פרייער אין פאַרשיידענע אויסגאַבן, און זייט 1913 אין „פאָרווערטס". דאָ שרייבט ער אונטער זיין אייגענעם נאָמען און אונטער די פּסעוודאָ-נימען לעד פענסיל, ב. בראַנז, אַ טעאַטער-פּאַטריאָט און אַ ביזער-שילינגער פיל טעאַטער-פעליעטאָנען, טעאַטער מעשׂיות און עפּי-זאָדן און אויך ביאָגראַפיעס און כאַראַקטעריסטיקס וועגן יידישע אַקטיאָרן. פון 1914 ביז 1922 פירט ב. אָן מיט די טעאַטער-נייעס, און שפּעטער מיט דער ספּעציעלער טעאַטער-פּיידזש, וועלכע דרוקט זיך יעדע וואָך אין „פאָרווערטס".

שטייענדיק אין נאָנטן קאָנטאַקט מיטן יידישן טעאַטער שרייבט אויך ב. אַן אייניקע פּיעסן, און דעם 12טן סעפּט. 1913 ווערט אין ראַפאַל-טעאַטער אויפגעפירט מיט לאַבעל און שוואַרץ אין די הויפּט-ראָלן זיין דראַמע „ביילקע מאַראַנטעקע", דאַן פירט אויף די „פרייע יידישע פאָלקס-בינע" זיין איינאַקטער „דער וועגעטאַריאַנער" (קאָ-מעדיע אין 1 אַקט, געדרוקט אין „פאָרווערטס", 12 אָקט., 1919), דעם 19 יאַנואַר 1921 ווערט „ביילקע מאַראַנטעקע" אין אַ נייער באַאַרבעטונג אויפגעפירט אין יידישן קונסט-טעאַטער דורך שוואַרצן א"נ „טייוולישע ליבע", דעם 12 יאַנואַר 1921 ווערט אין סט. לואיס אויפגעפירט ב.'ס (צוזאַמען מיט ב. קאָוונער) פּיעסע „שייקע דער בעל-העגלה", וועלכע ווערט שפּעטער א"נ „שייקע פון בראָנזוויל" אויפגעפירט אין ברוקלינער ליריק-טעאַטער, און דאַן אין ניישאַ-נאַל טעאַטער אַ סקעטש „פאַליאַקן אויף האוסטאָן סטריט".

ב. האָט אויך פאַרפאַסט אַ דראַמע „יעזוס קריסטוס" פון וועל-כער ער האָט פאַרעפנטלעכט אייניקע פראַגמענטן אין „דער וועקער".

מ. ע.
זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 200-198.
ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, (רשימה פון פּיעסן).
חנוכה-חבית-נומער פון קונסט-טעאַטער.
אב. קאַהאַן — נייע טאַלאַנטן, „פאָרוו.", 24 סעפּט., 1913.
י. פּ. — ביילקע מאַראַנטעקע, „ייד"ט"בל", 27 סעפּט., 1913.
יעקב קירשנבוים — ביילקע מאַראַנטעקע, „קענ. אדל.", מאָנטרעאַל, אָקט., 1913.
י. מיללער — מיני די פּיניטערין, „דער קיביצער", ניו-יאָרק, אָקט., 1913.
דר. מאַישע מוקאַרטי — „ביילקע מאַראַנטעקע", „דער קיביצער", אָקט., 1913.
ב. י. גאָלדשטיין — „שייקע פון בראָנזוויל" אין ליריק טעאַטער, „טאָג", ניו-יאָרק, 10 פעב., 1922.
ש. רובינזאָן — „שייקע פון בראָנזוויל", „ייד"ט"בל", 4 פעב., 1922.

באַיאַרסקי-באָגאַרט, רפאל

[געב. 15 דעצ. 1868 — געשט. 1 אויג. 1925]

געב. 15 דעצ. 1868 אין אָדעס, אוקראַי-נע. פאָטער — אַ טעאַטער-שניידער, און אויף אַזאַ אופן האָט ב. נאָך פון קינדווייז אָן איינגעזאַפּט אין זיך די טעאַטער-לופט. אויס-וואַנדערנדיק קיין אַמעריקע, הויבט ער דאָרט אָן זיך באַטייליקן אין רוסישע ליבהאָבער-פאָרשטעלונגען.

ווען עס קומט פאָר אין 1882 אין ניו-יאָרק די ערשטע יידישע טעאַטער-פאָרשטע-לונג אָרגאַניזירט דורך טאָמאַשעווסקין, טרעפן מיר ב. אויך צווישן די אַנטיילנעמער. אַזוי איז ער כסדר אַרום יידישן טעאַטער ביז אין 6-1905 עפנט ער אויף 245 גרענד-סטריט איינע פון די ערשטע יידישע וואָדעוויל-הייזער, וואו ס'קומט אויך פאָר שפּעטער דער ערשטער סטרייק אין אַ יידיש וואָדעוויל-הויז.

אַ געוויסע צייט איז ב. אויך געווען מיטפּראָוואַלטער מיט ד"ר. ברעסלוי אין די רוסישע פאָרשטעלונגען פון נאַזימאָוואַ און אָרליאַ-נאָוו אין ניו-יאָרק.

ב. איז געווען באַליבט אין די טעאַטער-קרייזן אַלס אַ גוטמו-טיקער, האַרציקער מענטש.

דעם 1 אויג. 1925 איז ב. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק.

מ. ע. פון אַב. קאַהאַן, ב. וויינשטיין און סטאָמבולקאַ.
ש. ע. פון זיין ברודער, אַדוו. בערנאַרד באָגאַרט.
ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 24.

באַלבירסקי, הערש

געב. 15 מערץ 1894 אין לאָדזש, פּוילן. עלטערן — קליינהענדלער. געלערנט אין אַ פֿאָלקס-שול. אין 1908 אריינגעטראָטן אין אַ ליבהאָבער-גרופּע, וואו ער האָט געשפּילט ביז 1910 און געמאַכט דאָס שפּילן פֿאַר זיין פּראָפֿעסיע. דערנאָך געשפּילט אַ יאָר אין די יידישע וואָדעוויל-הייזער, 1911 אריינגעטראָטן אין טיטעלמאַנס טרופּע אין אָלימפּיאַ-טעאַטער אין לאָדזש, און געמאַכט אַ טורנעע מיט דער טרופּע. 1913 אָפּגעפֿאָרן קיין פּסקאָוו צו זשיטאָמירסקיס טרופּע, און נאָך 3 חדשים ארויסגעפֿאָרן מיט חברים-טרופּעס איבער פּוילן. זייט 1920 שפּילט ב. אין לאָדזש אין דער טרופּע פֿון קופּערמאַן, און דערנאָך אין לאָדזשער קאָלעקטיוו.

אַמפּלואַ — יוגנטלעכער קאָמיקער.

מ. ע.

באַנקאָוו, יאַנקעוו

געבוירן 1863 אין דיקאַוועקע, אַלעקסאַנדריער קרייז, אוקראַאינע. עלטערן — קרעמער. די עלטערן שטאַרבן אים יונג אָפּ, און ב. מוז אַכטונג געבן אויף זיינע 5 קליינע ברידער, און טרעט דעריבער יונג אריין צו אַ שמיד, וואו ער אַרבעט 2 יאָר, דערנאָך צו אַ שוסטער, דאַן געאַרבעט אין אַ לעדער-קראָם, און געלערנט אין אַן אָוונט-שול, שפּעטער געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ לעדער-קראָם אין קרעמענטשוג.

באַזיצנדיק פֿון קינדוויז אָן אַ שיינע שטים, אינטערעסירט זיך ב. מיט געזאַנג און הערנדיק אַמאָל אין שטאָטישן זומער-גאָרטן אַ רוסישן קופּלעטיסט, לערנט ער זיך אויס אייניקע רוסישע און אוקראַאינישע לידער, און טרעט דאָרט אריין אַלס קופּלעטיסט. דערנאָך פֿאָרט ער קיין יעליסאַוועטגראַד צו דער דאָרטיקער יידישער טרופּע (ישראל ראָזענבערג, יוסף וויינשטאָק און אברהם פֿישקינד), וואָס נויטיקט זיך זייער (צוליב די דאַמאָלטיקע באַדינגונגען) אין אַ רוסישן קופּלעטיסט נאָך דער יידישער פֿאָרשטעלונג. ווען מען פֿאַרווערט צו שפּילן יידיש טעאַטער אפילו מיט אַ רוסישן קופּלעטיסט, אָרדנט ב. איין אַ רוסישן קאָנצערט און פֿון דער דאָזיקער הכנסה פֿאָרט די יידישע טרופּע אַרויס קיין ראָמנע, וואו נאָכן שפּילן אייניקע יידישע פֿאָרשטעלונגען, ווערט אויך דאָרט פֿאַרווערט ווייטער אנצוגיין מיטן שפּילן. אין פּעריעסלאַוו ווערט דער טרופּע בכלל ניט דערלויבט צו שפּילן, און זי צעפֿאַלט זיך. ב. ווערט דאַן ווידער אַ רוסישער קופּלעטן-זינגער, און וואַנדערט אזוי ביז סלאָנים, וואו ער טרעפֿט אַ יידישע טרופּע (שוואַרצבאַרד, טשיזשיק, סענדיק און די פּוילישע זינגערין-אַקטריסע לייכניץ, וועלכע האָט געקענט דייטש) און צוזאַמען פֿירן זיי אויף „שולמית" אויף „דייטש". באַלד צעפֿאַלט די טרופּע, אָבער נאָכדעם ווי ס'ווערט ווידער אַביסל לייכטער צו שפּילן אַ"פ „יידיש-דייטש", פֿאָרט ב. ווידער אַרום 2 יאָר, דערנאָך אָרדנט ער איין רוסישע קאָנצערטן אין מיליטער-קלובן, און שפּעטער ווערט ער צוריק אַ רוסישער קופּלעטיסט, דאַן טרעט ער אַריין אויף אַ קורצער צייט אין דער טרופּע פֿון פּישזאָן און ספּיוואַקאָווסקי, דערנאָך שפּילט ב. ביי בערנ-

שטיינען, קאָמפּאַנעיעץ, ציפּקוס, קאַמינסקי, מישוראַט און ראַפּעל.

45 יאָר האָט ב. געשפּילט אויף דער יידישער בינע ביי די שווערסטע באַדינגונגען, ווערנדיק אויך אייניקע מאָל אַרעסטירט אַלס „רעוואָלוציאָנער" צוליב זיינע לאַנגע האָר.

די לעצטע יאָרן האָט ב. אַלס פֿענכיאָנירטער פֿון דער רעגירונג פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, זיך צוריקגעצויגן פֿון דער בינע.

ב.'ס זין זיינען יידישע אַקטיאָרן.

ש. ע.

מ. ע. פֿון בינע בראַגינסקאַ, א. קאָמפּאַנעיעץ, ס. הייליגמאַן און נחום ליפּאָווסקי.

באַנקאָוו, מישע

געבוירן 15 אַפּריל 1898 אין אַלעקסאַנדריע, כערסאָנער גובערניע, אוקראַאינע. עלטערן — אַקטיאָרן.

נאָכן לערנען 3 יאָר אין חדר, אַנטלאָפֿן צו דער טרופּע פֿון פּישזאָן, וועלכער וויל אים ניט אריינגעמען צוליב זיין פֿריער יוגנט, און קוים מיט מי אויסגעווירקט אריינצוטרעטן אַלס כאָריסט אין משה ליפּמאַנס טרופּע אין ניקאָלאַיעוו. אַ קורצע צייט שפּעטער אריינגעטראָטן אין דער פּראָווינץ-טרופּע פֿון סאָניע נאַטאַנסאָן, דאַן זיך באַטייליקט אַלס סאָלדאַט אין דער וועלט-מלחמה, און אין 1917 אַריינגעטראָטן אַלס כאָריסט און עפּיזאָדן-ראָליסט אין קאָאָפּעראַטיוון מיניאַטור-טעאַטער אין קריוואָי-ראָג, באַלד דערויף איבערגעגאַנגען אין דער טרופּע פֿון זשעלאַזאָ אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, און פֿון דאָרט אין גוזיקס פּראָווינץ-טרופּע, דאַן אַריינגעטראָטן אין דער רויטער אַרמעע, און נאָכן צוריקקומען, ווידער אַריינגעטראָטן צו גוזיקן, דאַן געשפּילט ביי זאַסלאַווסקין און צוריק ביי גוזיקן. 1923-1927 געשפּילט אין דער טרופּע פֿון ווינאָקור און בראַנדעסקאָ, דאַן געשפּילט מיט קלאַראַ יאָנג, דערנאָך אַ קורצע צייט מיט קאָלעקטיווע טרופּעס און צוריק זיך פֿאַרבונדן מיט דער טרופּע פֿון בראַנדעסקאָ און ווינאָקור.

אַמפּלואַ — פּאַט-קאָמיקער.

ש. ע.

באַסלאַווסקי, אברהם

געב. אין מינסק, ווייסרוסלאַנד, געענדיקט מאָסקווער אוניווערזיטעט.

זייט 1912 געשפּילט אין פֿאַרשיידענע דראַמקרייזן און אין 1918 אַריינגעטראָטן אין מאָסקווער טעאַטראַלער סטודיע.

אין 1922 זיך פֿאַרבונדן מיטן מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער, וואו ער שפּילט ביז איצט.

ש. ע.

באַקמאַן, פּעלי

[געב.... — געשט.... מאַי, 1927]



שטאַמט פון גאַליציע, און ווי זי פלעגט דערציילן, איז איר פאָטער געווען אַ חזן. אין 1912 געשפּילט אין מינסק אין גוזיקס טרופּע פּאַראַנטוואָרטלעכע געזאַנגס און כאַראַקטער־ראָלן. געהאַט אַ שיינע שטים. אין 1920 האָט זי אין באַקו געשפּילט איניקע יאָר מיט דער טרופּע קאַזשדאַן און מיט „ליבהאָבער". פון דאָרט פאָרט זי קיין באַטום, וואו זי שפּילט 7 חדשים מיטן אַקטיאָר אַלעקס אַמאַסיע, ווען ער גאַסטראָלירט דאָרט מיט זיין טרופּע. אין 1923 האָט זי געשפּילט איבער אַ האַלב יאָר מיט דער דאַזיקער טרופּע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און פון דאָרט איז זי אין אָקטאָבער 1923 געקומען אין קאַנאַדע. דאָ האָט זי געשפּילט אַ קורצע צייט מיט אַן אַקטיאָר וויסמאַן, און איז געקומען קיין ניו־יאָרק, וואו זי פלעגט אַרויסטרעטן אויף קאָנצערטן און אין די וואַריעטעס, אויך אויף פּאַרוויילונגען זומער אין די בערג. אין 1926 האָט זי אַ קורצע צייט געשפּילט אין באַלטימאָר ביי משה שאָר, אין מאַי 1927 איז זי צוליב אַ פריערדיקער פאַרקילונג ערנסט קראַנק געוואָרן און נאָך עטלעכע טעג געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

מ. ע. פון אַלעקס אַמאַסיע.

באַקשיצקי, לואיס

[לייב]

געב. 12 דעצ. 1879 אין סלוצק, מינסקער גוב. ווייסרוסלאַנד. עלטערן — פּוטערוואַרג־סוחרים, וועלכע טראָגן זיך אריבער אין 1884 קיין בראָדי, פון דאָרט וואַנדערן זיי אויס קיין קראָקע, און אין 1890 קיין אַמעריקע. דאָ ווערט ב. אַן אַרבעטער פון האַנט־טאַשן און לערנט אין דער אָוונט־שול. באַזוכנדיק אָפט דאָס יידישע טעאַטער, אַנטוויקלט זיך אין אים אַ נייגונג צו דער בינע, און ער קאָפּירט נאָך די אַקטיאָרן. ב. טרעט דאַן אַריין אין „גאָלדן געיט דראַמאַטיק קלאַב" און שפּילט אונטער דער רעזשי פון צעזאַר גרינבערג אין פיינמאַנס „דעם פאָטערס קללה", דערנאָך ווערט ב. אַ מיטגליד אין „העגד אין העגד סאָסייעטי", וואו דוד לעווענסאָן איז רעזשיסער, שפּעטער אין דער סילווער דראַמאַטיק סאָסייעטי (וואו שמר און זיין זון אברהם זיינען די פירער). נאָכן באַטייליקן זיך אַ קורצע צייט אין די פאַרשטעלונגען פון די דאַזיקע קלאַבן, עפנט ב. אַ דעליקאַטעסן־סטאָר, אָבער עס ציט אים צו דער בינע, און ווען ס'גרינדעט זיך דער לאָקאַל 5, ווערט ער דאָרט אַ מיטגליד, און הויבט אָן שפּילן פּראָפעסיאָנעל אין וואָדעוויל אין פּיפּלס מוזיק־האָל, דערנאָך אין אווירווינג מוזיק־האָל, בראָדוויי מוזיק־האָל און ביי אַגעדן. אין פּעריאָד פון די טעאַטער־אַקטן אין די מואוויס, טרעט ב. צוזאַמען מיט בערטאַ גערסטין אַרויס אין אַזעלכע אַקטן, און דערנאָך שפּילט ער 3 סעזאָן צוזאַמען מיט מאַקס ראָזענטאַל און גאַביל, שפּעטער 4 יאָר ביי יאָזעף קעסלער אין שיקאַגאָ און 2 יאָר אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן, צו איינצלנע סעזאָנען אין מאָנטרעאַל און 3טע סטריט־טעאַטער אין ניו־יאָרק, 2 סעזאָנען אין האָפּקינסאָן־טעאַטער, צו איינצלנע סעזאָנען אין קליוולאַנד, מעקינלי־טעאַטער אין בראָנקס, באָסטאָן (ביי האָלענדער), מאָנטרעאַל, דעטראָיט, 1928-9 אין נואַרק, 1929-30 אין פּיטסבורג.

מ. ע.

באַראַדקין, בערל

[בארדאקין]

[געב.... — געשט....]

זאָל זיין אַן אָדעסער, דאָרט געווען אַ ווײַן־קעלער־זינגער. ווען ישראל ראָזענבערג הויבט אָן אָרגאַניזירן יידישע פאָרשטעלונגען אין אָדעס, באַטייליקט זיך ב. אין זיי. אין 1879 ווען גאָלדפאַדען קומט קיין אָדעס, נעמט ער אים אַריין צו זיך אין טרופּע, וואו ער האָט אַ גרויסן דערפאָלג אַלס „קלמן שדכן" אין „קוני לעמעל". נאָכן אַרומוואַנדערן איבער רוסלאַנד פאָרט ב. מיט צוזאַמען מיט זילבערמאַנען און דער גאַנצער טרופּע קיין אַמעריקע. דאָ איז ער אַ מיטגרינדער פון דער קאָמפּאַני אין אָריענטאַל־טעאַטער, וואו ער איז דער צווייטער כאַראַקטער־קאָמיקער, אָבער קיין גרויסן דערפאָלג אַלס אַקטיאָר האָט ער ניט צוליב זיין שוואַכקייט צום טרינקען. ער עפנט אַ שענק און פאַרלאָזט אינגאַנצן די בינע.

ב. איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק און דאָ געקומען צו קבורה.

מ. ע. פון אברהם פישקינד, ישראל טאַבאַטשניקאָוו, מש. נאַטאַנסאָן און משה סימאָנאָף.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I, זז. 209, 242, II, ז. 30.

באַראַדקין, סאָניאַ

[געב.... — געשט.... 1924-5 (?)]

צוזאַמען מיט איר מאַן, בערל באַראַדקין, טרעפט מען זי שפּילן, נאָכן פאַרבאָט פון יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד, אין לאָנדאָן, פון וואַנען זי וואַנדערט אויס מיט זילבערמאַנס טרופּע קיין ניו־יאָרק. דאָ הויבט זי אָן שפּילן אין אָריענטאַל־טעאַטער, און נאָכדעם ווי די קאָמפּאַניע פון דעם טעאַטער צעפאַלט זיך, קאָן זי זיך מער ניט אַריינפּאַסן אין אַ קאָמפּאַניע, און העלפט דעם מאַן אין זיין שענק, וועלכן ער האָט געעפנט.

געשטאָרבן איז ב. ביי אירער אַ שוועסטער אין שיקאַגאָ.

מ. ע. פון משה סימאָנאָף.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I, ז. 242, II, ז. 30.

באַראַט, מאַרטי

[משה־מאַרטין באַראַץ]



געב. 14 מערץ, 1905 אין ניו־יאָרק, אַמעריקע. פאָטער — דער אַקטיאָר דוד באַראַץ. געענדיקט פּאַבליק סקול און געלערנט אין האַי־סקול.

נאָך אַלס קינד פלעגט ער נאָכמאַכן זיין פאָטער און געשפּילט מיט חברים „טעאַטער". אין עלטער פון 5 יאָר האָט אים דער אַקטיאָר משה זילבערשטיין אַנגעטאָן אַ באָרד אַלס „מחותן" אויף „אַ מענטש זאָל מען זיין", שפּעטער פלעגט ער טאַנצן אין דער פּיעסע „בינקע און פינקע" און דאַן שפּילן קינדער־ראָלן.

ב. אַרבעט אַ קורצע צייט אַלס אַנגעשטעלטער אין אַ קינאָ־קאָנ־

סוירן און נאָכדעם ווי ער געווינט דעם ערשטן פּרייז אַלס אַמאַטאָר אין אַ קאָנטעסט-פאָרשטעלונג פון ענגלישן וואָדעוויל, פאָרט ער אַרום איבער אַמעריקע אַלס וואָדעוויליסט. 1925-6 ווערט ער אין לאָס-אַנדזשעלאָס אַנגאַזשירט ביי יעקב גאָלדשטיין און מ. נעסטאָר אין זייער יידישער טרופּע אַלס בוף-קאָמיקער, און שפּילט דאָרט אַ סעזאָן, 1926-7 שפּילט ער ביי זיין פאָטער אין קליוולאַנד, דערנאָך אַ קורצע צייט ביי אַנשעל שאָר אין ליבערטי-טעאַטער, ניו-יאָרק, 1927-8 — פּראָספּעקט טעאַטער. 1928-30 — פּאָבליק-טעאַטער.

ב. אַראַנזשירט אויך טענץ אין די יידישע טעאַטערס.

מ. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע, „מא"זש.", ניו-יאָרק, 17 פעב., 1928.

באַראַטאָוו, בן-צבי

[פּאַוועל ברענער]

געב. אין רוסלאַנד, ביי ניט פרומע עלטערן, וועלכע היטן אָבער יידישע טראַדיציע. ביז 7 יאָר זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון דער רוסישער אַם, ערשט ווען די פאַמיליע טראָגט זיך איבער אין אַ קליין שטעטל פון פּאָלטאַווער גובערניע, הויבט ער אָן לערנען אַביסל יידיש און למודי-קודש ביי אַ מלמד. באַלד דערנאָך באַזעצט זיך די פאַמיליע אין כאַרקאָוו, וואו ער ענדיקט שפּעטער די גימנאַזיע און דעם מעדיצינישן פאַקולטעט ביים כאַרקאָווער אוניווערזיטעט.

נאָך אין גימנאַזיע געשפּילט מיט „ליבהאָבער" און מיט די שי'ער, און אַלס סטודענט פון אוניווערזיטעט אויפגעטראָטן אַלס „גאָראָדניטשי" אין גאָגאָלס „רעוויזאָר".

אין 1898 אַריינגעטראָטן אין מאָסקווער קונסט-טעאַטער, וואו ער שפּילט „שויסקי" אין „פיאָדאָר יאָאַניטש", אָבער בייטאָג פּראַקטיצירט ער אין קליניק. נאָכן שפּילן 3 יאָר אין דאָזיקן טעאַטער, טרעט ער אַריין אין דער טרופּע איוואַנאָווסקי אין יעקאַטערינאָסלאַוו, זומער שפּילט ער אין פּעטערבורג; און נאָכדעם ווי ער טרעט אויף אין דער ראָל „באַריאַטינסקי" אין „נאַבלאָצקים קאַריערע" אין דער טרופּע פון דער פירשטין באַריאַטינסקאַיאַ (יאַוואָרסקאַיאַ), גייט ער איבער אין סובאַריןס ליטעראַרישן טעאַטער וואו ער שפּילט 3½ יאָר, אין דער זעלבער צייט באַזוכט ער זומער די גרויסע רוסישע פּראָווינץ, ווי טיפליס, כאַרקאָוו, קיעוו, ראָסטאָוו און אָדעס, וואו ער מוז איבעררייסן דאָס שפּילן צוליב דער אויסגעבראָכענער רוסישער רעוואָלוציע.

ב. איז ביז דאַמאָלט ניט געווען אין קיין שום קאָנטאַקט מיטן יידישן טעאַטער, בלויז, וואָס ער האָט אַלס קינד געזען שפּילן „קאַלדוניאַ" און אין קריגס-צייט קלאַראַ יאָנג אין מאָסקווע, און זינט ער וואַנדערט אויס קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פון דאָרט קיין ווין, האָט ער מער ניט די מעגלעכקייט פאָרטצוזעצן זיין רוסישע בינע-קאַריערע.

אין ווין באַקענט ער זיך אין 1922 מיט יצחק דייטש, דעם פירער פון דער „פרייער יידישער פאָלקס-בינע", וועלכער באַוועגט איס אַריינצוטרעטן אין זייער טעאַטער. מיט אַ באַגאַזש פון 30 יידישע ווערטער טרעט ב. אויף אַלס „לואי קראַשונסקי" אין גאָרדינס „אומבאַקאַנטער" אין טעאַטערל אויף אונטעראויגאַרטן-גאַסע, באַ-

האַלטנדיק זיך א"פ ***, שפּעטער טרעט ער אַרויס אין דער דאָזיקער טרופּע א"נ בן-צבי, און ערשט דערנאָך אונטער זיין פולן נאָמען [ענדערנדיק דעם ביז דאַמאָלדיקן רוסישן פּאָרנאָמען אויף אַ יידישן בן-צבי, ווייל זיין פאָטער הייסט צבי]. נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט אין ווין, פאָרט ב. מיט דער טרופּע אויף אַ טורנעע אין רומעניע, און אין 1923 ווערט ער אין ווין אַנגאַזשירט דורך גרובערן פאַרן אַרטש-סטריט-טעאַטער אין פילאַדעלפיע.

אין אויגוסט 1923 טרעט ב. אויף אין פילאַדעלפיער אַרטש-סטריט-טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון אַנשעל שאָר און גרובער, און נאָכן שפּילן דאָרט אייניקע חדשים, גאַסטראָלירט ער אַ קורצע צייט אין יידישן קונסט-טעאַטער אין ניו-יאָרק. 1924-7 שפּילט ב. אין יידישן קונסט-טעאַטער, דאַן גאַסטראָלירט ער 7 חדשים אין רומעניע, און אַ קורצע צייט מיט לידיאַ פּאָטאָצקאַ אין פּוילן. אין 1928-9 שפּילט ער ווידער אין קונסט-טעאַטער אין ניו יאָרק. 1929 האָט ב. גאַסטראָלירט א"ר פון פּיסקאַטאָר, אין דער דייטשער אויפפירונג פון „סוחר פון בערלין", שפּילנדיק די טיטולראָל אין יידיש.

אין ווין האָט ב. זיך באַטייליקט אין פילם „דער לומפּן-זאַמלער" און נאָך אין אייניקע פילמען פון דער זעלבער געזעלשאַפט, און אויך געפּרובט געבן אייניקע פאָרשטעלונגען אויף דייטש.

מ. ע.

מ. אָשעראָוויטש — באַראַטאָווס קאַריערע אויף דער רוסישער ביהנע און זיין איבערגאַנג צו דער אידישער. "פאָרווי.", ניו-יאָרק, 3 סעפּט. 1923.

דר. א. מוקדוני — אַרום טעאַטער. „מא"זש", ניו-יאָרק, 12 מערץ, 1926.

ספּעקטאַטאָר — די גאַסטשפּילן פון פּאול באַראַטאָוו אין טעאַטער די טאמפּעל. „פּאַריז"בל", 130, 1926.

יעקב מעסטעל — זעקס קוילן-צייכענונגען, „יידיש טעאַטער", וואַרשע, 1927, II, זז. 198-9.

ש. י. דאָרפזאָן — דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע, „ליט"בל", 67, 1925.

אָסיף דימאָוו — אַ פּיעסע וואָס האָט אויפגערודערט בערלין, „דער טאָג", נ. י. 18 אָקט. 1929.

באַראַנדעס, יוסף

[געב. 1863 — געשט. 19 יוני 1928]

געב. 1863 אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק, אין אַ חשובער חסידישער פאַמיליע. דערצויגן אין שטעטל באַר, וואוהין זיינע עלטערן האָבן זיך אַריבערגעטראָגן. דאָרט איז ב. געווען איינער פון די ערשטע משכילים, האָט אָרגאַניזירט אַ ביבליאָטעק, און זיך באַטייליקט אין אַ ליבהאָבער-פאָרשטעלונג אין אַ פּיעסע פון קאָנטאָניסטן-לעבן.

אין עלטער פון 24 יאָר וואַנדערט ב. אויס קיין אַמעריקע. דאָ איז ער לכתחילה געווען אַ פּעדלער, אָבער ניט צופרידן מיט זיין פּראָפעסיע, ווענדעט ער זיך צום דירעקטאָר פון „רומעניע אָפּערע-הויז" משה זילבערמאַן, אַז ער זאָל אים אַריינעמען אַלס אַקטיאָר, נאָר ז. זאָגט אים אָפּ.

באין ברירה איז ב. געוואָרן אַ שניידער אין אַ שאַפּ פון קינדער-הויזן, וואו ער האָט נאָך אַ קורצער צייט אָרגאַניזירט אַ סטרייק, וואָס איז דורכגעפאַלן. ב. איז דאַן אַוועק אַרבעטן ביי קלאָוקס. שפּעטער האָט ער זיך ספּעציאַליזירט אין ספּאָרט-העמדער און געאַרבעט אין אַ שאַפּ צוזאַמען מיט מאָרים הילקוויט.

אַ דאַנק זיין רעדנער-קראַפט איז ב. געוואָרן אַן אַרבעטער-פירער. ער איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון די פאַראייניקטע

יידישע געווערקשאַפטן, קלאָוקמייקער-יוניאָן, טשילדרען דזשעקעט מייקערס-יוניאָן, קלאָדינג וואָירקערס יוניאָן, און ערשטער מיטגרינדער פון דער אַ ק ט י אָ ר ן - י ו נ י אָ ן , כ אָ ר י ס ט ן - יוניאָן א. א.

זיין הויפּט-אַרבעט האָט ב. אָבער געווידמעט די קלאָוקמייקער, און אָנגעפירט מיטן ערשטן גרויסן קלאָוקמייקער-סטרייק אין 1889-90.

ב. איז געווען אַ מיטגרינדער פון „פאָרווערטס“, האָט דאָרט אַ געוויסע צייט געשריבן לייט-אַרטיקלען, דערנאָך האָט ב. געגרינדעט די „באַלטימאָרער פרייע פרעסע“, האָט אויך אַרויסגעגעבן אייניקע אַנדערע אויסגאַבן, דערונטער: פרענק ב. קאַפּלי — דער אידישער פּרעזידענט דייוויד איזראַעלס, איבערזעצט און מיט אַן איינפירונג פון יוסף באַראָנדעס. ליטעראַרישער פערלאַג, ניו-יאָרק 1916 [71 ז. 16°].

ב. ציט זיך דערנאָך צוריק פון דער אַרבעטער-באַוועגונג און באַטייליקט זיך כמעט אין אַלע כלל-ישראל-באַוועגונגען.

ב. האָט זייער ליב געהאַט דאָס יידישע טעאַטער, פלעגט אָפט זיך משתדל זיין פאַר אַקטיאָרן, אַרויסטרעטן אויף פאַרשיידענע אַקטיאָרישע שמחות און טרויער-איינאָרדנונגען.

ב. איז געווען דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט וואָס פלעגט איינאָרדנען יערלעכע בענעפיס-פאָרשטעלונגען פאַרן וועטעראַן פון דער יידישער בינע, יעקב פּ. אַדלער, בעת זיין קראַנקהייט, און אויך איינגעאָרדנט די גרויסע אַדלער-מעמאָריאַל-פאָרשטעלונג אין פרילינג 1928 פאַרן צוועק פון שטעלן אַ מצבה פאַר אַדלערן.

דעם 19 יוני 1928 איז ב. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק, און געבראַכט געוואָרן צו זיין אייביקער רו אויפן הר-הכרמל בית-עולם.

נעקראָלאָגן אין דער אַמעריקאַנער יידישער פרעסע.

מ. דאַנציס — יוסף באַראָנדעס, אַ כאַראַקטעריסטיק, „דער טאָג“, ניו-יאָרק, 20 יוני, 1928.

ב. צ. גאָלדבערג — דער דור, וואָס געהט אַוועק „דער טאָג“, ניו-יאָרק, 21 יוני, 1928.

ראובן ברייגין — באַראָנדעס אַלס מענש און כלל-טוער „דער טאָג“, 21 יוני, 1928.

דר. א. קאָראַלניק — יוסף באַראָנדעס, „דער טאָג“, 18 יולי, 1928.

יעקב מאַגידאָוו — „דער שפּיגעל פון דער איסט סייד“, נ. י. זז. 55-62.

ש. י. יאַצקאַן — יוסף באַראָנדעס, „הײנט“, וואַרשע, 3 יולי, 1928.

לעאָן מאָצקין — אַ בלעטעל עראינערונגען " " " "

באַראַץ, דוד

געב. 24 מערץ 1879 אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — אַ בלעכער. געלערנט אין חדר פון ר׳ שלמהלע, דער פאָטער פון „פּראָפ.“ הורוויץ.

אין עלטער פון 10 יאָר געפאָרן צו זיינע שוועסטערס אין אַמעריקע און דאָ געלערנט אין פּאָבליק-סקול. דורך אַ שוועסטערס אַ קרוב הויבט ער אָן האַנדלען אין טאַליאַ-טעאַטער מיט צוקערוואַרג, און ווערט דערךאגב אַ טעאַטער-„פּאַטריאָט“.

אוים בענקשאַפט נאָך די עלטערן פאָרט ער צוריק קיין רומעניע, באַקענט זיך דאָרט מיטן אַקטיאָר סעם פאַרקויף אין יאָווילערס טרופּע, און וויל אַריינטרעטן אין דער טרופּע, אָבער דאָס ווערט ערשט מעגלעך ווען ס׳קומט צו דער טרופּע צו אברהם אַקסעלראד, וועלכער ווערט דער פירער פון דער טרופּע. דאַן ווערט ב. אַ מיטגליד אין כאָר, און באַקומט אויך קליינע ראָלן. 3 יאָר

וואַנדערט ער מיט דער טרופּע איבער גאַליציע, דערנאָך שפּילט ער אין משה וויינבערגס טרופּע אין בערלין, און פאָרט צוזאַמען מיט חנא וואָלפסטאַל קיין בודאַפּעסט, פון דאָרט פאָרט ער צוריק צו אַקסעלראַדן, דערנאָך ווידער מיט וואָלפסטאַלס טרופּע קיין בערלין.

נאָך זיין חתונה אין טאַרנאָוו, און נאָך באַזוכן ווידער זיינע עלטערן אין רומעניע, טרעט ער דאָרט אַריין אין פיליפּ וויזענפריינדס טרופּע, אָבער צוליב מיליטער-טעמים אַנטלויפט ער קיין אַמעריקע.

דאָ ווערט ער דורך פיינמאַנען מיטגענומען אויף אַ סעזאָן קיין פילאַדעלפיע, שפּילט אַ ווינטער אין רומעניע-אָפּערן-הויז אין ניו-יאָרק, וואו טאָמאַשעווסקי אָרדנט איין אַ יידישן וואָדעוויל, דערנאָך שפּילט ער אין די וואָדעוויל-הייזער פון קאָפּעלמאַן, אַגעד, מאַלער, שפּעטער פאָרט ער אַרום איבער דער פּראָווינץ מיט לעגיטים טעאַטער, שפּילט 2 סעזאָנען ביי מייק טאָמאַשעווסקי אין פילאַדעלפיע, צו סעזאָנען אין רעלקינס מעטראָפּאָליטאַן-טעאַטער אין שיקאַגא, און ביי געבילן, ביז ער טרעט ווידער אַריין אין וואַריעטע אין ניו-יאָרק.

ב. איז אַ מיטגרינדער פון לאָקאַל 5 און איז געווען איינער פון אירע עקזעקוטיוו-מיטגלידער. אין 1914 איז ב. אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער יוניע, און איז געפאָרן גאַסטראָלירן אין אייראָפּע, אָבער באַלד נאָכדעם ווי ער הויבט אָן שפּילן אין לעמבערג ביי עמיל גימפּעל, ברעכט אויס די מלחמה און ער באַווייזט נאָך צוריקצופאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער שפּילט צוויי סעזאָנען ביי שאָרן אין פילאַדעלפיע, צו איינצעלנע סעזאָנען מיט צילע אַדלער ביי גליקמאַן אין שיקאַגא, קליוולאַנד, פילאַדעלפיע ביי גאָלדענבורג און הערשל צוקערבערג, דאַן ווערט ער אַ מיטשותף פון קאַליך און פיינמאַן צום טעאַטער אין באָסטאָן, שפּילט אַ סעזאָן אין ניו-יאָרקער פּיפּעלס טעאַטער מיט מאַקס ראָזענטאַל, מיט גאָלדענבורג, זאַץ און ראָזאַ קאַרפּ אין סעקאָנד-עוועניו. אין 1921 גאַסטראָלירט ער 10 וואָכן אין בוענאָס-איירעס, דאַן געשפּילט 1 סעזאָן אין קליוולאַנד, און אין 1922 צוריקגעפאָרן קיין אַרגענטינע, וואו ער שפּילט 14 וואָכן, און 2 וואָכן אין בראַזיליע, 1923 שפּילט ב. מיט לאָבעל אין אַ קאָאָפּעראַטיווער טרופּע אין ניו-יאָרק, 1924 — שיקאַגא, ביי גליקמאַן, 1925 — פילאַדעלפיע, ביי אַנשעל שאָר, 1926 — קליוולאַנד, וואו ער איז מענעדזשער צוזאַמען מיט מ. נאָוויקאָוו, 1927-8 — פּראָספּעקט-טעאַטער אין ניו-יאָרק, 1928-9 — ראָלאַנד-טעאַטער.

מ. ע.

באַרבער, ש.

[שמואל בערבער]

געב. 1881 אין לאַסק, ביי לאָדזש, פּוילן. פאָטער — אַ מוזיקער. געלערנט אין חדר. 1892 געפאָרן מיטן פאָטער קיין אַמעריקע, דאָרט פאַרבראַכט 2 יאָר און במשך פון דער צייט געלערנט אין סקול. צוריקגעקומען אין 1894 קיין לאָדזש, אָנגעהויבן זיך באַקענען מיט דער יידישער און דייטשער ליטעראַטור, און געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער מוזיקער.

אין 1903 פאָרט ב. אָפּ קיין לאָנדאָן, דאָרט באַקענט ער זיך אין 1910 מיט די פירער פון אַ מוזיק-האָל, די אַקטיאָרן שערמאַן און אַקסעלראַד, און נעמט פאַר זיי שרייבן צוויי און דריי-אַקטיקע סקעטשעס.

אין 1911 ווערט אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן-טעאַטער אויפגעפירט ב.׳ס דראַמע „דער מאָדערנער שיילאָק“ (שפּעטער געשפּילט געוואָרן דורך וואַקסמאַן אין לאָדזש א״נ „דער פּוילישער ייד“), אין 1912 ווערט אויפגעפירט דורך פעני בלומענטאַל אין פּאַוויליאָן-טעאַטער זיין 4-אַקטיקע דראַמע „דער סוד פון אַ פרוי“, אין 1913 ווערט אין לאָנדאָנער עמפּייר-טעאַטער אויפגעפ. דורך יאָזעף קעסלער ב.׳ס מעלאָדראַמע „די פרוכט פון זינד“, אין דער זעלבער צייט אויפגעפירט מיט יעקב זילבערט און אסתר וואַלערשטיין די דראַמע „די נקמה פון אַ פרוי“ (שפּעטער געשפּילט דורך עמיליע אַדלער און מעטערסאָן אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער), אין 1914 — מיט יאָזעף קעסלער און דיינע פיינמאַן די „פּראָבלעם-דראַמע“ „די קראַפט פון יצר-הרע“ (שפּעטער געשפּילט דורך יוליוס אדלער אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער).

אין 1915 ווערט (מיט פעני בלומענטאַל און י. שערמאַן) אויפגעפירט אין לאָנדאָנער ליריק-טעאַטער ב.׳ס מעלאָדראַמע „די מלחמה קרבנות“.

ש. ע.

באָרדיזשאַנער, שלמה

[געב..... — געשט..... 1914(?)]

געב. אין באָרדיזשאַן, רומעניע, און צוליב דעם גערופן געוואָרן באָרדיזשאַנער. פאָטער — אַ סוחר פון בהמות, אַ למדן. ב. האָט אָבער אַנדערע נייגונגען און רייסט זיך אַרויס פון דער היים. ווען גאָלדפאַדען הויבט אָן אָרגאַניזירן טרופּעס אין רומעניע, שטייט ער צו אים צו אַלס ניט-שטענדיקער סופלער. ב. האָט זייער ליב געהאַט דאָס יידישע טעאַטער און אַקטיאָרן, און ווען ער ווערט נאָר בכח, אונטערשטיצט ער זיי מאַטעריעל, שפּעטער ווערט ער אַ פּראָפעסיאָנעלער סופלער ביי איציקל גאָלדענבערג, אָבער אַזוי ווי דערפון קאָן ער ניט ציען פּרנסה, ווערט ער אַ בראַטער פון רומענישע מאכלים. אין 1899 קומט ער קיין אַמעריקע און פאַרנעמט זיך דאָ מיט דער זעלבער פּרנסה.

אין 1914 [?] איז ב. אין דחקות געשטאָרבן אין ניו יאָרק.

מ. ע. פון שלום פּערלמוטער און איציקל גאָלדענבערג.
ש. ע. פון יוסף וויינשטאָק.

באָריץ, פראַנץ

[אפרים]

[געב. 23 אַפּריל 1888 — געשט. 8 אויגוסט 1926]

געב. 23 אַפּריל 1888 אין לעמבערג, מזרח-גאַליציע, פאָטער — באַזיצער פון אַ בערשטל-פאַבריק. געלערנט אין אַ שול. באַטייליקט זיך מיט „ליבהאָבער“, געווען אַן אנגעשטעלטער אין אַ שוך-געשעפט.

אין 1908 געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר ביי עבעלן, דערנאָך געשפּילט ביי אַקסעלראַד אין רומעניע, עטינגער אין רומעניע, דרוקער, גלימער, און דאַן געפירט אַן אייגענע טרופּע.

ב. איז דעם 8 אויגוסט 1926 געשטאָרבן אין לעמבערג פון אַ לונגען-אנטצינדונג.

מ. ע. פון זיין פרוי קלאַראַ.

באָריץ, קלאַראַ

[דרוקער]

געב. 15 אָקט. 1893 אין סטאַניסלאַוו, מזרח-גאַליציע. פאָטער — אַ טעאַטער-אימפּרעסאַריאָ, געלערנט אין שול.

אין עלטער פון 15 יאָר אויפגעטראָטן אַלס „די יתומה“ אין „דודס פידעלע“ אין קאָסאָוו, אין איר פאָטערס טרופּע. אַ יאָר שפּעטער טרעט זי אַריין אין דער טרופּע עבעל, דאַן ווידער ביים פאָטער, ביי גלימער, און נאָך דער חתונה מיט פראַנץ באָריץ — אין איר מאַנס טרופּע. אין 1928 האָט זי געשפּילט ביי עמיל גימפּעל אין לעמבערג.

מ. ע.

באַרסעל, אברהם

[געב..... — געשט.....]

געווען אַ כאַראַקטער-שוישפּילער, און על פּי רוב געשפּילט אין דער סביבה פון שיקאַגאָ. ב. האָט זיך אויך באַטייליקט אין קליינע ראָלן אין פיליפּ וויזענפריינדס טרופּע אין שיקאַגאָ.

ב. איז געשטאָרבן אין שיקאַגאָ, וואו ער האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי.

מ. ע. פון יוסף וויינשטאָק.

באַרסקאַ-פישער, ליזאַ

געב. אין 1888 אין אָדעס, אוקראַאינע, עלטערן — אויפגעקלערטע, פאַרמעגלעכע. געלערנט אין גימנאַזיע. בילדנדיק איר שטים ביי אַן אוקראַאינישן געזאַנג-לערער, ווערט זי רעקאָמענדירט אַלס כאָריסטקע אין אַן אוקראַאינישער טרופּע, וועלכע האָט דאַמאָלט געשפּילט אין אָדעס. באַלד דערויף איז אָנגעקומען קאַמינסקיס טרופּע, וואו זי טרעט אַריין שוין צו זינגען סאָלאָס, און גייט באַלד איבער אויף קליינע ראָלן.

אין משך פון איר בינע-קאַריערע האָט זי דורכגעשפּילט דעם גאַנצן אַלטן און מאָדערנעם רעפּערטואַר. אַ ריי יאָרן געשפּילט צוזאַמען מיט אסתר רחל קאַמינסקי, דערנאָך אין „וויקט“ און לעצטנס אין ווילנע.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער-ראָלן.

ש. ע.

באַרסקי, ישראל

[געב..... — געשט. 1900[?]]

געבוירן אין אָדעס. אַ משכיל. איז געווען [לויט ישראל טאַבאַטשניקאָוו] אַ לערער אין ת״ת אין יעליסאַוועטגראַד און נאָענט באַפריינדעט מיט גאָרדינען. לויט ראובן ווייסמאַן איז ב. געווען אַ שניידער אין אָדעס, נאָר פון תמיד אָן אַרויסגעוויזן אַ ליבע צום יידישן טעאַטער, און זיך אינטערעסירט מיט גאָלדפאַדענס ערשטע פאָרשטעלונגען.

געקומען קיין אַמעריקע אין אָנהייב פון די אַכציקער יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט מיט די ערשטע גרופּעס „עם עולם“, וועלכע האָבן געשטרעבט צו קאָלאָניזירן יידן, און געווען א״פ „ישראל

בן-עולם“ דער רעדאַקטאָר פון זייער געשריבענעם אָרגאַן אויף יידיש א״נ „עם עולם“.

צווישן דער גרופּע, וועלכע איז דאַמאָלט געקומען פון לאָנדאָן, האָט זיך אויך געפונען לעאָן גאָלובאָק, וועלכער איז געווען די הויפּט-קראַפט פון דער טרופּע, וואָס טאָמאַשעווסקי האָט צונויפגעשטעלט, און געגעבן מיט איר אין 1882 אין ניו-יאָרק די ערשטע יידישע פאָרשטעלונג אין אַמעריקע. אין דער דאָזיקער פאָרשטעלונג און אויך אין די ווייטערדיקע באַטייליקט זיך אויך ב.

ווען די „טרופּע“ האָט שוין אָפּגעשפּילט איר גאַנצן גאָלדפאַדען- און שמ״ר-רעפּערטואַר, שרייבט ב. פאַר איר אין 1883 די פּיעסן „די וואַנזיניגע“ און „דער פּאָגראָם“.

ווען עס קומען אָן די פּראָפעסיאָנעלע יידישע אַקטיאָרן פון רומעניע, און די פריערדיקע טרופּע צעפאַלט זיך, פאַראייניקן זיך די „אַקטיאָרן“ אין אַ קאָאָפּעראַטיוו צו נייען העמדלעך, און ב. ווערט זייער פאָרמאַן און בוכהאַלטער.

שפּעטער, ווען טאָמאַשעווסקי אָרגאַניזירט ווידער זיין טרופּע, פאָרט זי אונטער דער פירמע „באָרים טאָמאַשעווסקי און לעאָן גאָלובאָק און ישראל באַרסקי אַלס מחבר“ קיין שיקאַגאָ, וואו זיי שפּילן אַ קורצע צייט.

קומענדיק פון שיקאַגאָ עפנט ב. אין ניו-יאָרק אַ געוועלב פון אַלטע מלבושים, באַטייליקט זיך אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און שפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָל אין דער באַוועגונג צו שאַפן אַן אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון די שניידער-אַרבעטער אין אַמעריקע. פאַר דער דאָזיקער אידעע האָט ער א״פּ „ישראל בן-עולם“ אַגיטירט אין אַ לאַנגער סעריע אַרטיקלען אין דער „ניו-יאָרקער אידישער פאָלקס-צייטונג“ און אין אָפטע אַרויסטרעטונגען אויף מיטינגען און פאַרזאַמלונגען ביז אים איז, צוזאַמען מיטן סאָציאַליסט מ. פּערלמאַן, געלונגען אין מערץ 1889 צו גרינדן אין ניו-יאָרק די „בראָדערהוד אָף טיילאָרס“ (פאַראייניקטע שניידער-ברידער). 1890 האָט ב. רעדאַקטירט דעם אָרגאַן „שניידער פאַרבאַנד“, וואָס האָט געפירט אַן אַגיטאַציע צו פאַראייניקן די שניידער-יוניאָנס פון די באַזונדערע שטעט אין אַן אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, וואָס עס איז אויך פאַרווירקלעכט געוואָרן.

אָבער אַזוי ווי ס׳גייט אים עקאָנאָמיש שלעכט אין ניו-יאָרק, טראָגט זיך ב. איבער אין אַ שטעטל אין פּענסילווייניע שטאַט, וואו ער עפנט אַ סטאָר פון אַלטע מלבושים, און דאָ שטאַרבט ער בערך 1900.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט“, I, זז. 226-7.
ב. גארין — „געש. איד. טעאַט.“, II, זז. 24-6.
ב. גארין — „געש. איד. טעאַט.“ (רשימה פון פּיעסן).
חנן י. מיניקעס — „דיא אידישע ביהנע“, ניו-יאָרק, (זייפּערטס „געשיכטע פון אידישען טעאַטער“)
באָרים טאָמאַשעווסקי — אַמאָליגע אידישע אַקטיאָרען, „פאָרוו.“, 18 אויגוסט, 1923.
אב. קאהאן — „בלעטער פון מיין לעבען“, ניו-יאָרק, 1926, II, ז. 183.
זלמן זילבערצווייג — „טעאַטער-זכרונות“, ווילנע, 1928, ז. 70.

בדחן, שלמה

[בעללויא]

קענטיק אַ פּוילישער. לויטן פּסעוודאָנים וואַרשיינלעך געווען אַ בדחן, האָט איבערגעלאָזט אַ פּיעסע, וועלכע זיין ברודער, הערש גדליה בעללויא, האָט אַרויסגעגעבן נאָך זיין טויט א״נ „מאָזעס [,] אָדער דאָס בעפרייאונג דער יזראעליטען אוים עגופּטען [,] געמאַכט דורך שלמה בדחן ז״ל. אין דער דרוק געבערענגט דורך זיין ברודער הירש גדליו בעללויא מיט נייע צו גאַבען, נאָכדרוק פערווערט. בדפוס ר׳ יצחק ראטהער נ״י, 1867“, [71 ז. 32°].

די פּיעסע אנטהאַלט 7 אַקטן, געטיילט אין סצענען.

שמואל מייזעלס — יודישע טעאַטער-געשיכטע, „טעאַטער-וועלט“, וואַרשע, 6, 1908.
זלמן זילבערצווייג — וועגן די אומבאַקאַנטע יידישע דראַמאַטורגן, „פּנקס“, ניו-יאָרק, 1, 1929. זז. 87-85.

בדחנים-אַקטיאָרן

אהרן [פּאַרד]

[ראָהאַטינער ?]

אַ ברודער פון עוזר מאַרשעליק. אַ הויכער, דאַרער ייד, וואָס האָט געהאַט אַ שיינע שטים און פלעגט אַרומפאָרן מיט פאָלקס-זינגער, דערונטער אויך מיט קלמן יאָווילער, און פון צייט צו צייט זיך אָפּגעבן מיט בדחנות.

מ. ע. פון איציקל גאָלדענבערג.

דער באָריסאָווער בדחן

דער באָריסאָווער בדחן איז געווען אַ זייער לעבעדיקער, טעמפּעראַמענטפולער, פריילעכער, און זייער וויציק. ער האָט שיין געזונגען און נאָך שענער געטאַנצט, און דערפאַר באַזונדערס אויסגענומען ביי מיידלעך און יונגע ווייבלעך, מיט וועלכע ער פלעגט טאַנצן.

אויף אַ חתונה פלעגט ער ניט נאָר בדחנען, נאָר ער איז געווען די צענטראַלע פיגור, וואָס האָט אַלץ באַלעבט און אָנגעפולט מיט פרייד.

ער איז געווען זייער אָרעם, און ווען ער איז אַרויסגעטראָטן אין באַבער, האָט ער זיך — לויט ב. סלוצקי, — געווערטלט:

—„איר זעט ווי איך טאַנץ גוט, און ווי די ווייבער פרייען זיך מיט מיר? דאָס איז אָבער נאָר אין דער פרעמד. אין באָריסאָוו, אַז איך טאַנץ אַרום נאָך אַ דרייערל, טאַנץ איך אַ סך מער און אַ סך בעסער ווי דאָ, נאָר מיין ווייב פרייט זיך גאָרניט דערפון.“

דער באָריסאָווער האָט אויך געהאַט אַ שם מיט זיין שפּילן אין פּאַנטאָמימע.

לגבי דוד בדחן פון באָבער איז דער באָריסאָווער בדחן געווען אַ גרויס-שטאָטישער, מיט פרייע מאַניערן, מיט אַן אַנדערן הילוך, דערפאַר אָבער פיל פּראָסטער.

ב. סלוצקי — יידישע באַדכאָנים-שוישפּילער, „צייטשריפט“, מינסק, 1926. I. ז. 259.

בונעם בדחן

[בונעם טשיזשיק]

[געב..... בערך 1827 — געשט. בערך 1901]

געב. בערך 1827 אין שידלאָווצע, פּוילן. עלטערן — כלי-קודש. נאָך דער חתונה איז ב. געוואָרן אַ דאָרפס-מלמד, נאָר אַזוי ווי ער האָט געהאַט פעאיגקייטן צו מאַכן און זינגען לידלעך און זאָגן גראַמען, האָט ער געוואָרפן דאָס מלמדות און געוואָרן אַ בדחן.

ב. איז געווען אַזוי באַרימט, אַז מען פלעגט אים נעמען אויף יעדער רבנישער חתונה.

ב. באַקענט זיך מיט משכילים און ער ווערט אַן אפּיקורס. איינ-מאָל כאַפּט מען אים אַפילו שבת רויכערן אַ פּאַפּיראָס און די רבנים גיבן אַרויס אַ אסור, אַז מען טאָר אים ניט נעמען אויף חתונות.

אין דער זעלבער צייט קומט גאָלדפאַדען אָן מיט זיין טרופּע קיין פּוילן, און ב. ווערט באַפריינדעט מיט צוקערמאַנען, חברט זיך מיטן ברידער שוואַרץ-קוואַרטעט, ביז ער פּאָרט מיט די אַקטיאָרן און הויבט ביי זיי אָן צו שפּילן דעם „טאַטען" אין „שמענדריק", אָבער אינגאַנצן דאָס בדחנות וואַרפט ער ניט, ער טראָגט אַ קורץ בערדל, וועלכעס ער ראַזירט דאַמאָלט, ווען ער דאַרף שפּילן אַ ראָל, און אַזוי איז ער צייטנווייז אַ בדחן, און צייטנווייז אַן אַקטיאָר.

ב. נעמט אויך אַרויף אויף דער בינע זיינע דריי זין און אַ טאָכ-טער. אָבער ווען די בינע ווערט אים נמאס, פּאָרט ער אַרום מיט אַ זון איבער קליינע שטעטלעך און דערפער און שפּילט בדחנישע שטיקלעך און פּורים-שפּילן אין די קרעטשמעס און שענקען.

בערך 1901 איז ב. געשטאָרבן אין וואַרשעווער יידישן שפּיטאָל.

ב. האָט איבערגעלאָזט 3 קינדער, וועלכע האָבן געשפּילט אויף דער יידישער בינע, און איין זון, אַ דיריגענט אין אַ מאָסקווער רע-גירונגס-טעאַטער.

מ. ע. פון עמנואל טשיזשיק.

זלמן זילבערצווייג — דער טאַטע אַ באַריהמטער וואַרש. בדחן — דער זוהן אַ משומד און דיריזשאָר אין קייזערליכען טעאַטער אין מאָסקווע. („אונז. עקספּ.", וואַרשע, 162, 1928).

גאַרטענבערג, שמואל

געב. אין שטשערזשעץ ביי לעמבערג, גאַליציע. פאַרפאַסט אַ סך לידער. פלעגט אויפן אָרט מאַכן אַ גראַם, אויב ניט האָט ער באַצאָלט שטראָף. געווען אַ בוכהאַלטער אין לעמבערג, דערנאָך אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער איז געווען אַ שטיקל בדחן, און אַ שטיקל אַגענט פון לעבנס-פאַרזיכערונג.

מ. ע. פון איציקל גאָלדענבערג.

גרודבערג, בערל

[זע גרודבערג, בערל.]

האַפנער, חיים-אהרן

[געב. 1862 — געשט. 13 סעפּט. 1923]

געבוירן 1862 אין גאַליציע. נאָך דער חתונה געפּרובט זיך מפרנס זיין פון לערעריי. אונטער דער השפעה פון בדחן משהלע היבינער אנגעהויבן אַרויסצוטרעטן אַלס בדחן אויף חתונות, דער-נאָך אַרויסגעגעבן אַ קליינע זאַמלונג לידער א"ט „כנור ציון" מיט מוזיק, וועלכע מען האָט אין זיין צייט געזונגען צווישן די יונגע בית-המדרש בחורים, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן שמעקן צו השכלה. געווען אויך מיטרעדאַקטאָר פון „העברי" און „עברי אנכי" אין בראָדי, דערנאָך געלעבט אַלס בדחן אין בוברקא, פון וואַנען ער איז מיט דער גאַנצער פאַמיליע אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. אַרום 1908 געווען מיטרעדאַקטאָר פון אַ יידיש-גאַליציש וואָכנבלאַט אין ניו יאָרק. די לעצטע 6 יאָר פון זיין לעבן געווען פּאַראַליזירט, און דעם 13טן סעפּט. 1923 געשטאָרבן אין פּראָווידענס, ראוד איילאַנד.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 8-777.

היבינער, משהלע

[זע פּריזאַמענט, משהלע.]

ווייס, אשר-זעליג

געבוירן אין מיכאַלאָווצע, אונגאַרן. נאָכפאָלגער און תלמיד פון הערש לייב סיגעטער. האָט פאַרפאַסט אייניקע ראָמאַנען און מעשה-ביכלעך אין יידיש, האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ צענדליק ביכלעך מיט לידער, צו וועלכע ער האָט אַליין געשאַפן מוזיק.

אַלס פּראָפעסיאָנעלער בדחן פּראָדוצירט וו., אויף שמחות און חתונות, לידער צוגעפּאַסט לויט דער צייט, אויף פּאָליטיש-געזעל-שאַפטלעכע טעמעס. זיינע לידער זיינען על פּי רוב גאַליק, טרעפ-לעך געצילט. דידאַקטישע לידער ווערן פון אים אַליין געזונגען. זיי-נע מאָטיוון זיינען ס'רוב טרויעריקע, און זיינען זייער פּאָפּולער צווישן די יידישע בעלי-מלאכות און פּויערים אין קאַרפּאַטן-רוס.

פאַר פּורים און שמחת-תורה שאַפט וו. קופּלעטן, איינאַקטערס און פאַרסן פול מיט הומאָר און סאַטירע.

וו. שרייבט אויך פאַר דער בינע, איבערהויפּט פּיעסן פאַר די טראַדיציאָנעלע פּורים-שפּילער-טרופּעס מיט וועלכע ער פירט אָן זייט 1900 בשותפות מיטן מונקאַטשער תושב ר' קלמן שוסטער [פאַרצויגן אויף ר' קלמן פּורים], און שפּילט אויך דאָרט מיט.

פיל פון וו.'ס שאַפונגען זיינען געדרוקט מיט רש"י-כתב.

וו. איז ניט שטאַרק מדקדק אויף דער אויסגעהאַלטנקייט פון דער שפּראַך, ער איז אָבער זייער פאָלקסטימלעך. 1925-7 האָט וו. רע-דאַקטירט און אַרויסגעגעבן דאָס הומאָריסטישע וואָכנבלאַט „דער מונקאַטשער הומאָריסט", וועלכעס איז געווען זייער פּאָפּולער, נאָר איז שפּעטער פאַרטריבן געוואָרן פון מאַרק דורך די אַנדערע יידי-שע פּעריאָדישע צייטשריפטן.

וו. האָט פאַרעפנטלעכט אַ פּיעסע מיט לאַטייניש שריפט, און „דער מונקאַטש בעלזער חרם" [,] אָריגינאַל אונד זעהר הומאָריס-טיש אין 4 אַקטען פיר פּורים שפּיעלע אונד פאַמיליען אונטערהאַל-טע [,] פערפאַסט דורך אשר זעליג ווייס “Pustakoz 1, [קיין דרוק-יאָר ניט אָנגעגעבן, נאָר לויט דעם אינהאַלט איז קענ-טיק, אַז בערך 1927, 20 ז. 16°].

ש. י. דאָרפזאָן — דער יחוס פון יידיש אין קאַרפּאַטן-רוס, „ליט"בל", וואַרשע, 35, 1929.

דוד בדחן פון באָבער, מאָהילעווער גוב.

נ. סלוצקי כאַראַקטעריזירט דעם באָבער בדחן, לויט שמעון און יעקב דאָבין (דער פאָטער פון דוד) א"א אויף פאָלגנדיקן אופן [מיט קצורים]:

„אויסערלעך האָט זיך דער באָבערער בדחן דוד, אַ מאַן פון אַ יאָר 45, מיט גאָרניט אויסגעצייכנט פון אַלע אַנדערע יידן פון באָבער, אַ חוץ מיטן פייערל אין זיינע אויגן. האָט געטראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַ לאַנגע באָרד און פּאות, געווען ניט קיין גרויסער למדן, אָבער זייער אַ פרומער.

געלעבט האָט דוד בדחן מיט זיין פאַמיליע אין באָבער, נאָר ער פלעגט אַרומפאָרן מיט אַ קאָמפּאַניע קלעזמער אויף חתונות. זיין הויפּט אויפגאַבע איז געווען צו אַמוזירן נאָך דער חופּה, ביי דער חופּה-וועטשערע. קודם כל פלעגט ער מאַכן פאָקוסן, דערנאָך פלעגט ער נעמען „פאָרשטעלן".

דוד בדחן פלעגט ניט אימפּראָוויזירן, נאָר ער האָט געהאַט איי-ניקע אייגענע איינשטודירטע זאַכן, וועלכע ער פלעגט שפּילן זייער ערנסט און מיט גרויס התלהבות.

פון זיינע מער באַקאַנטע נומערן זיינען: „אַ גוי ביי יידן אויף פּסח", „דער פּאָליאַק", „דער ירושלמי", „אַ טאַנץ מיט מאַלאַניען" און „ביאָגראַפיע".

דער באַליבטסטער נומער ביים עולם איז געווען „דער גוי“. דוד פלעגט זיך אנטאָן ווי אַ ווייסרוסישער פויער, פאַרבויגן די באָרד, און סיי מיט זיין הילוך, סיי מיט זיינע באַוועגונגען און מיט זיין ווייסרוסישער אויסשפּראַך, פלעגט ער פאַרשטעלן אַ קינסטלערישן, הומאָריסטישן מאָנאָלאָג, אין וועלכן ער האָט איבערגעגעבן מיט עכט רעאַליסטישע און קינסטלערישע שטריכן די נאַאיוויטעט, פּראָסטקייט, תמעוואַטקייט און „עם-הארצישקייט“ פון אַ פויער ווי ער דערציילט וועגן זיינעם אַ באַזוך פּסח ביי יידן.

דער מאָנאָלאָג איז ניט געבליבן פאַרשריבן, נאָר די באַבערער איינוואוינער יעקב און שמעון דאָבין גיבן איבער, אַז דער דאָזיקער נומער האָט ממש געשפּריצט מיט געזונטן הומאָר און מיט אַ טיפן קענען סיי דעם ניט-יידישן און סיי דעם יידישן שטייגער, און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ רעאַליסטיש אויפפאַסן די פּסיכאָלאָגיע פון אַ פויער, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ סביבה, וועלכע איז אים משונה מאָדנע און אומפאַרשטענדלעך.

אין זיין נומער „אַ יונגער שייגעץ טאַנצט מיט דער שיקסע מאַלאַניע“ פלעגט ער זיך אָנטאָן פאַר אַ יונגן פויער, פלעגט צונויפלייגן די הענט, און זיי אויסשטרעקן פאַר זיך ווי ער וואָלט געהאַלטן אַרומגענומען מאַלאַניען, דערביי פלעגט ער זיך בהדרכה צופלאַקערן אין טאַנץ, און דערביי צוזינגען וואָוילעריש, מיט עקסטאַז און פאַרליבטקייט ווי אַן אמתער „שייגעץ“.

בכלל איז דוד געווען אַ גוטער טענצער.

אין זיין נומער „דער פּאָליאַק“ פלעגט ער זיך אנטאַן ווי אַ פּאָליאַק, אַ פּריץ, אַ יורד, נאָר מיט האָנאָר. פלעגט די באָרד צופירן אין „באַקן-בערד“, אונטער דער נאָז פלעגט ער אַרויפטשעפּען אַ פּאָר גרויסע פּריצישע וואָנסעס, און פלעגט דעקלאַמירן און זינגען אויף פּויליש וועגן דער לאַגע פון אַ געפאַלענעם פּריץ. דאָס איז געווען אַ מין סאַטירע סיי אויף די רייכע, סיי אויף די אָרימע פּריצים.

זיין „ביאָגראַפיע“ פלעגט ער אַליין דערציילן אין אַ הומאָריסטישן טאָן און סטיל פון ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. די פאָרם פון זיין דערציילן איז געווען זייער אַ הומאָריסטישע, ער פלעגט אינמיטן אַריבערגיין אין אַ זינגענדיקן רעטשיטאַטיוו, אַריינפאַלן אין טאָן פון פּורים-שפּילער, און ווייזן ווי אַזוי ער האָט געלערנט גמרא. דערביי פלעגט ער שטעלן כלומרשטע קשיות, אָנפּלוידערן, אָפּלאַכן פון פּלפּול, און פלעגט דורכדעם אַרויסרופן געלעכטער אפילו ביי די „שיינע יידן“.

אין זיין נומער „אַ ירושלמי“ פלעגט ער זיך פאַרשטעלן פאַר אַ גוטן יידן, און פלעגט אַביסל אָפּלצעווען פון די כלי-קודש, און דעריבער האָט דער נומער ניט נושא חן געווען ביי די כלי-קודש.

זיינע אַנדערע נומערן, אַ חוץ אַ קורצער נומער וועגן „אַ גוי ווי ער באַגלייט אַ טויטן“, זיינען אומבאַקאַנט.

צו די פּורים-שפּילער האָט ער קיין שייכות ניט געהאַט, און געשטאַנען העכער פון זיי.“

ב. סלוצקי — יידישע באַדכאָנים שוישפּילער, „צייטשריפט“, מינסק, 1926, I. זז. 9-257.

וויניווער

אַ בדחן פון אונגאַרן, פלעגט אָפּט קומען קיין גאַליציע צו גבירישע חתונות, אויף וועלכע ער פלעגט באַווייזן „שטיק“.

מ. ע. פון ש. ערנסט.

ויזמאָר, יעקב

[געב. 1856 — געשט. 11 מאַי 1922]

געבוירן 1856 אין גראָדנע, פויליש-ליטע, אין אַ בעל-הביתישער פאַמיליע. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל יידישע דערציאונג, און שוין קינדווייז זיך אויסגעצייכנט אין לערנען, אָבער זיין טעמפּעראַמענט פון אַן עכט אַרטיסטישער נאַטור האָט אים געטריבן אין די רייען פון די יידישע בדחנים און פאָלקסזינגער.

אַלס בדחן איז ז. געווען זייער אנגענומען אין די ליטוויש-יידישע מקומות, איבערהויפּט נאָכן אָפּפאָרן פון אליקום צונזער קיין אַמעריקע.

צוליב זיין שווערער מאַטעריעלער לאַגע אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה איז ז. אַרויסגעטראָטן אויף קאָנצערטן אין ווילנע און גראָדנע, אָבער צו אַלטמאָדיש מיט זיינע גראַמען און טעמאַס, האָט ער ניט קיין דערפאָלג, און שטאַרבט אין נויט, נאָך אַ שווערער האַרצקראַנקהייט, דעם 11 מאַי 1922 אין ווילנער „משמרת החולים“.

פון ז.'ס לידער זיינען דערשינען „דיא ספירה“ אונ דאצו דרייא לידער, וועלכע עס איז פאַרגישטעלט גיוואָרין פון מיר אוף פילע גראָסאַרטיגע הויכצייטן אין געזעלשאַפט...: 1) „דאָס פּאַפּירל“, 2) „דיא קאָמאָדע“, 3) „דער לאַך“ (דרוק י. ל. מץ, ווילנע, 1883 32 ז.) און „דאָס יודישע הערץ“ (ווילנע 1917, 48 ז.), וואו ער פּרובט שוין דיכטן נאַציאָנאַל-ציוניסטישע לידער.

ז. האָט אין „פּנקס פאַר דער געשיכטע פון ווילנע אין די יאָרן פון מלחמה און אָקופּאַציע“ (ווילנע 1922) אָפּגעדרוקט זייער אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן בדחנים.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 4-1062.

דער בדחן פון זעמבין

[לייזער שיינמאַן]

[געב. בערך 1839 — געשט. 1903]

געב. אין זעמבין בערך 1839. פאָטער — אַ שוסטער. ביז צו דער חתונה איז לייזער אויך געווען אַ שוסטער, דערנאָך אַ שמש אין שול, גט זיך מיט דער פרוי, האָט חתונה מיט אַן אַנדערער און ווערט אַ קלעזמער אויף אַ צימבל. ביסלעכווייז ווערט ער אַ בדחן, און דערגרייכט אַ פּאָפּולאַריטעט אין דער גאַנצער סביבה. איבערהויפּט פלעגט ער פאָרן אויף אָרעמע חתונות, ווייל ער האָט זייער געהאַלטן פון הכנסת-כלה.

לייזער איז געווען אַ נידריקער, אַ ברייט-פּלייציקער מיט אַ שטענדיק שמייכלענדיקן פּנים, און פלעגט זייער ליב האָבן קינדער. שמחת-תורה פלעגט ער פירן די אָרעמע קינדער אין מקוה, וואו ער האָט זיי געלאָזט אָפּוואַשן, און דערנאָך איבער די גבירישע שטובן, וואו ער פלעגט מיט די קינדער צונעמען דאָס עסנוואַרג אין אַ זאַק אַריין און עס דערנאָך פאַרטיילן צווישן אָרעמע לייט.

אויף די חתונות פלעגט ער זאָגן גראַמען, וואָס האָבן אָפט געטראָגן אַ סאַטירישן כאַראַקטער. צוזאַמען מיט אַ קלעזמער, און אַמאָל מיט איינִיקע, פלעגט ער אויספירן אייגענע „שטיק“, צווישן זיי די פּאַנטאָמימע „אַ גולם“. אַ באַזונדערן דערפאָלג האָט געהאַט זיין „פאָרשטעלונג“ — „דער גלח“. ער פלעגט דערביי זיך אָנטאָן אַ סערוועט, איינהילן זיך ווי אין „אַ ריאַסע“, נעמען דאָס העמערל פון צימבל אנשטאָט אַ צלם, פלעגט זיך אַוועקזעצן, און דער קלעזמער ישעיה מוראַוואַנטשיק פלעגט זיך איבערטאָן פאַר אַ פּויערטע, און צוזאַמען האָבן זיי אָפּגעשפּילט אַ סצענע ווי די פּויערטע קומט זיך מתודה זיין פאַרן גלח.

עס איז געווען אַ סאַטירע אויף דער צביעות פון גלחים.

לייזער בדחן פלעגט אויך פאָרשטעלן אַ סצענע א״נ „דער ארץ-ישׂראל ייד״, וואָס פלעגט זיך פאַרענדיקן מיט אַ טאַנץ אויף אַ ספּעציעלן אופן. ער פלעגט זיך צופּאַסן אַ פּאָר שטאָלצן, פלעגט אָנטאָן אַ לאַנגן קיטל, צום בויך פלעגט ער צובינדן אַ קישן, און אין דאָזיקן הילוך פלעגט ער ענדיקן מיט אַ קונציקן טאַנץ.

זייענדיק אַ בדחן איז ער אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ „מעשטשאַנסקי סטאַראָסטאַ״ און געווען אויפן דאָזיקן אַמט ביז זיינע לעצטע טעג.

אין די יאָרן פון בדחנות און קלעזמעריי האָט זיך לייזער צוגעוואוינט צום ביטערן טראָפּן, און אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער באַקומען אַ שם אַלס שכור. אין 1903 איז ער געשטאָרבן.

א. כאַריק — לייזער שיינמאַן דער באַדכן פון זעמבין, „צייטשריפט״, מינסק, 1926. I. ז. 264.

משה מאַרעכאָווסקי דער באָסלעווער מאַרשעליק

[געב... — געשט. בערך 1884]

משה מאַרעכאָווסקי, וועלכער איז אין די 70-80ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט געווען באַקענט אין קיעווער געגנט אַלס באָסלעווער מאַרשעליק, האָט געשטאַמט פון שטעטל דראַבאָוו, זאָלאָטאָנאָשער אויעזד, פּאָלטאַווער גוב., וואו זיין מוטער האָט נאָך אין סוף פון די נייַנציקער יאָרן געוואוינט. פון דראַבאָוו איז זיין משפּחה, קענטיק, אַריבערגעפאָרן קיין באָסלעוו.

יצחק פּערקאָף, וועלכער האָט געקענט פּערזענלעך מאַרעכאָווסקין, גיט איבער, אַז מ. איז געבוירן געוואָרן אין קאָנאָטאָפּ, טשערניגאָווער גוב., און האָט חתונה געהאַט אין באָסלעוו, וואוהין ער האָט זיך אַריבערגעטראָגן.

לויט ב. סלוצקי איז מ. געווען בדחן און מאַרשעליק ביי די באָסלעווער קלעזמער. געווען איז ער, קענטיק, אַ קליינער למדן. אין באָסלעוו האָט ער, אַ סברה, געהאַט אַ ברודער אַ פורמאַן. פּערקאָף לייקנט דאָס אָפּ.

מ.׳ס אַ קרוב, דער זקן הערש סליפּאַקאָוו גיט איבער, אַז „מ. איז יינגלווייז אָן געווען אַ שטיקל „משוגענער״. אַלס יינגל האָט ער געלערנט אין זאָלאָטאָנאָש אין תלמוד-תורה, פלעגט אַנטלויפן פון חדר, און אַרומלויפן איבער די גאַסן און זינגען אַזעלכע לידלעך ווי „אבינו מלך, דאָס האַרץ איז מיר פריילעך״, און פלעגט דערפאַר באַקומען 3 קאָפּיקעס. ווען ער איז געוואָרן דערוואַקסן, פלעגט ער צעטראָגן מצות פון פּאָדריאַד, און גייענדיק איבערן גאַס פלעגט ער זינגען „אַ ליד פון אַ מצה-טרעגער״.

מ. פאַרלאָזט זאָלאָטאָנאָש אויף 3-4 יאָר, און ווען ער קומט צוריק, זינגט ער שוין אַנדערע לידער, ווי: „אַ בלינדער אָרעמאַן״, „אַ קרקע-גרעבער״, „זומער מיטן ווינטער״. ער פלעגט ניט שלעכט זינגען, און מען פלעגט אים דעריבער אַריינרופן אין אַ שטוב, געבן עסן און עטלעכע קאָפּיקעס. דאָ איז ער ווידער פאַרשוואונדן אויף 2-3 יאָר, און זיך דערנאָך באַוויזן שוין ווידער מיט גאָר אַנדערע לידער, מיט אַלערליי בערד און פאות, און שוין געפּראַוועט טעאַטער: „דער אַלטער טאַטע״, „צוויי קוני לעמעל״. ער האָט דערציילט, אַז ער איז במשך פון דער צייט געווען אין אָדעס ביי גאָלדפאַדענען אין טרופּע. ער פלעגט שוין דאַן גיין אויף חתונות, זאָגן גראַמען, זיך גלאַט „מאַכן משוגע״, און כאַפּן קלעפּ ביי די קלעזמער.״

ב. סלוצקי שרייבט וועגן אים אַזוי: „אַליין איז ער [מאַרעכאָווסקי] געווען אַ הויכער, דאַרער ייד, אַ שאָטן, מיט אַ שפּיציק בערדל, זיך מיט גאָרניט אויסגעצייכנט פון אַלע אַרומיקע יידן, אויסער מיט זיין געזונטן פרישן הומאָר.

חוץ דעם וואָס ער פלעגט אַרומפאָרן מיט דער קאַפּעלע קלעזמערס, פלעגט מען אים טיילמאָל פאַרבעטן אין רייכע יידישע הייזער, „עפּעס פאָרצושטעלן״. ער פלעגט אויך אַליין אַרומפאָרן איבער די שטעטלעך „פאָרשטעלן״ און זינגען לידער, זיינע און אויך פרעמדע.

זיין פּאָפּולערסטע שטיק איז געווען ווי איינער איז אויפגעשטאַנען תחית-המתים, און דערקענט מער ניט די וועלט צוליב די פאַרשיידענע נייע איינריכטונגען. דערביי פלעגט ער עס מאַכן זייער קאָמיש, און זינגען דערצו לידער.

מ. פלעגט אויך פאָרשטעלן אַן אַלטן פאָטער. אין אַ גרויער באָרד, מיט אַ האָרב אויף די פּלייצעס, פלעגט ער דערציילן זיין ביטער מזל און ענדיקן מיט אַ ליד.

זיינע וויצן און זיין הומאָר זיינען געווען אַ ביסל וואולגאַר, אָבער זייער פאָלקסטימלעך און געזונט, און דער עולם פלעגט דערפון זייער שטאַרק הנאה האָבן.״

יצחק פּערקאָף, וועמענס עלטערן האָבן געוואוינט בשכנות מיט מ., גיט איבער, אַז „מען פלעגט אים רופן „משה דער אָנשטעלער״. ביי-טאָג פלעגט ער ליגן אין בעט. ער האָט געהאַט אַ וואונדערבאַרע מימיק און אַ שיינע שטים. ער פלעגט אויפפירן „אַ פּיעסע״ מיטן נאָמען „די רעקרוטן״ (ניט גאָלדפאַדענס), אין וועלכער דער הויפּט-וויץ איז געווען:

— וויפיל קאָן אַ סאָלדאַט אויסשיסן, 20 מענטשן ?! — ברייינגט זיי מיר אַהער, וועל איך זיי שיסן.

בעתן מיליטער צוואַנגס-דינסט, האָט מ. פאַרפאַסט אַ סאַטיריש לידל אויף דער טעמע, און בעת ס׳זיינען געשטאָרבן צוויי גבירים אין שטעטל, דערונטער שלום עליכםס שווער, מלך לאָיעוו, האָט מ. פאַרפאַסט אַ גרויס סאַטיריש ליד ווי אַזוי מען איז מקבל פּנים די גבירים אויף יענער וועלט.״

מאַרעכאָווסקי האָט געהאַט מיט זיך צוויי העלפערס, און איינעם פון זיי, מיט אַ קוויטשיק קול, פלעגט ער אין זיינע סצענקעס אָנטאָן אַלס פרוי.

מ. איז געווען אַ גרויסע קאָנקורענץ פאַר די קלעזמער, וועלכע פלעגן באַקומען באַצאָלט פון יעדן טאַנץ, און ווען מ. פלעגט זיך שטעלן זאָגן גראַמען, פלעגט דער עולם געשמאַק זיך צוהערן צו מ.׳ס גראַמען-זאָגן און פאַרגעסן אין טאַנצן. די קלעזמער האָבן אים דעריבער אַמאָל אָנגעבראָכן די ביינער, און קורץ נאָכדעם איז ער, בערך 1884, געשטאָרבן אין באָהיסלאַוו.

ב. האָט אָפּגעדרוקט אַ ראָמאַן „די בייזע שטיף מוטער״, פאַרעפנטלעכט איינציקע לידער-ביכלעך ווי „די היינטצאַטיגע לידער, שיין צום זינגען און צום לעזען״. וואַרשע 1884, 22 זייטן, 12°״, און „דער עלינטער יתום. יודישע שיינע ליעדער״. אָדעס, 1872, 32 ז. 16° [ביידע אין האַרוואַרדער ביבליאָטעק] ווי אויך יום-טוב-לידער.

שלום-עליכם האָט (אין 1טן באַנד פון זיין „פאָלקס-ביבליאָטעק״) שטאַרק צונישט געמאַכט מ.׳ס יום-טוב-גראַמען.

מ. ע. פון יצחק פּערקאָף.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״ II, ז. 325.

ב. סלוצקי — יידישע באַדכאָנים-שוישפּילער, „צייטשריפט״, מינסק, 1926, I. זז. 1-260.

דר. יעקב שאַצקי — רעצענזיעס, „פנקס״, ניו יאָרק, 1928, 4, ז. 394.

סאָניע בּדחן

[ישראל זאַדרונסקי]

[געב. 1850 — געשט. 1928]

געב. 1850 אין ביאַליסטאָק, פּוילן, ביי אָרעמע עלטערן, וועלכע האָבן זייער בן-יחיד גערופן „סאָניע" קעגן אַן עין-הרע. געלערנט אין תלמוד-תורה, שפּעטער אין אַ שול, וואו ער איז אויך אַ מין באַדינער. צו 14 יאָר ווערט ער אַ לערער פון יידיש, רוסיש, דייטש און חשבון, און דערפון האַלט ער אויס זיך און זיין מוטער די אלמנה. אין עלטער פון 17 יאָר מוז ער אַנטלויפן קיין אָדעס ווייל די „כאַפּער" ווילן אים צונעמען פאַר אַ סאָלדאַט.

הערנדיק צופעליק זינגען אין ווינקעלער גראַדנערן, און באַזיצנדיק אַ שטים, ווערט ער גראַדנערס אַן ארויסהעלפער, זינגענדיק אייגענע לידער צו וועלכע ער פּאַסט אַליין צו מעלאָדיעס.

ווען גאָלדפאַדען קומט קיין אָדעס, פאַרבעט ער ב. אין זיין טרופּע, וועלכע פאָרט צוריק קיין בוקאַרעסט, אָבער, ניט האָבנדיק קיין פּאַס, מוז ב. בלייבן אין אָדעס, פון וואַנען ער וואַנדערט אַרום אייניקע יאָר מיט פאָלקסזינגער און בראָדערזינגער, ביז ער קומט קיין ביאַליסטאָק.

דאָ אַראַנזשירט ב. אַ פּורים-שפּיל, אַרויסגענומען פון דער אָפּערעטע „שמשון הגבור". ב. שפּילט די ראָל „שמשון הגבור", אָבער אַזוי ווי די געשעפטן זיינען שלעכטע, האָט ב., וועלכער איז שוין דערווייל געוואָרן פּאָפּולער אין דער גאַנצער סביבה, גענוצט אַרומגיין זינגען אויף חתונות. אויך דאָ איז ער געבליבן דער אַרטיסט, דער סאַטיריקער און קאָמיקער. מיט חתונה-טעמעס האָט ער ניט געהאַט קיין שום שיכות, פונדעסטוועגן איז ער געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען בּדחן, וועלכן ער האָט אַליין שפּעטער באַנוצט סיי מינדלעך, סיי אין זיינע געשריבענע און געדרוקטע לידער-ביכלעך.

אין 1904 איז ב. געקומען אין אַמעריקע און זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון זיינע לאַנדסלייט, און אין משך פון אייניקע יאָר אַריבערגעבראַכט זיין גאַנצע משפחה. קעסלער פאַרבעט אים צו שפּילן טעאַטער, אָבער ב., וועלכער איז געוואוינט צו זיין דער „סטאַר" אויף זיינע „אַרויסטריטן", נעמט די איינלאַדונג ניט אָן, און ניט וועלנדיק לעבן פון בדחנות, עפנט ער אין ניו-יאָרק אַ רעסטאָראַן.

אָבער עס נעמט זיך אים בענקען נאָך ביאַליסטאָק, און זייט נאָך דער וועלט-מלחמה איז ב. כמעט יעדעס יאָר געפאָרן קיין ביאַליסטאָק צו זיינע אַמאָליקע פריינט און צו זיינעם אַן אַלטן חבר, אַלטער דער בּדחן, און צוריק קיין ניו-יאָרק.

אין 1928, פאָרנדיק פון ביאַליסטאָק צום אַמעריקאַנעם קאָנסול אין וואַרשע כדי צו באַקומען די פּאַפּירן צוריקצופאָרן צו זיינע קינדער אין אַמעריקע, האָט זיך ב. פאַרקילט און איז נאָך עטלעכע טעג געשטאָרבן אין שפּיטאָל.

סאָניע בּדחן איז געווען אַ דירעקטער נאָכפאָלגער פון אליקום צונזער. זיינע פאַרפאַסטע לידער האָבן אַ קליינעם פּאָעטישן ווערט. זיינע סאַטירישע פערזן זיינען אַ סך שוואַכער פון צונזערס, זבאַרזשערס אָדער גאָלדפאַדענס. ב. איז אָבער געווען אַ קינסטלער פאָרצושטעלן אַ טיפּ. צו יעדן כאַראַקטער, וועלכן ער האָט פאָרגעשטעלט, און דערביי געזונגען, האָט ער געהאַט אַ באַזונדערן קאָסטיום, און די קאָסטיומען פלעגט ער שטענדיק פירן מיט זיך.

א. ליטווין גיט אָן, אויפן יסוד פון אַ ביאָגראַפיע אין אַ ביאַליסטאָקער זשורנאַל, אַז ווען ב. פלעגט זינגען זיינע לידער: „דער זון און דער פאָטער", „דער שאַרלאַטאַן אין דער יוגנט און דער שאַרלאַטאַן אויף דער עלטער", „דער איידעם, דער שווער, דער זיידע", „די צוויי מחותנים מיטן נאַרישן חתן" — איז ער געווען אי דער זון, אי דער פאָטער, אי דער שאַרלאַטאַן אין דער יוגנט, אי אויף דער עלטער, אי דער איידעם, שווער, זיידע, דער ערשטער מחותן, דער צווייטער מחותן און דער נאַרישער חתן.

ער האָט מאָמענטאַל געביטן זיינע קאָסטיומען אויף דער בינע, אָדער אין זאַל הינטער אַ ווענטל, אויף אַ חתונה. און אַזוי ווי ער האָט נאָר געענדערט דעם קאָסטיום, איז ער שוין מיטן פּנים, מיט זיין לשון און מיט יעדער באַוועגונג געווען גאָר אַן אַנדערער. אַזוי האָט ער אין אַ ריי בילדער פּערזאָניפיצירט זיין ליד „די יוגנט און די עלטער — פון וויגעלע ביז צו 80 יאָר".

דער ווילנער בּדחן, י. זיזמער, האָט אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג וועגן „סאָניע בּדחן". ריידנדיק וועגן דער צייט ווען „דאָס בדחנות איז אַריין אין דער שוסטער-גאַס, און צו בדחנות האָבן זיך אויך שוין גענומען פולשטענדיקע עם-הארצים", שרייבט ער („פון מיינע זכרונות וועגן בדחנים", פּנקס פאַר דער געשיכטע פון ווילנע אין די יאָרן פון מלחמה און אָקופּאַציע, ווילנע 1922):

„פון דיזאָזיקע בדחנים-עמי-הארצים פלעגן אַנדערע אויספירן זייער אַמוזאַנטע פאַר דאָס פּובליקום פאַרשיידענע פאָקוסן ווי בענדער ציען, פייער שלינגען און נאָך אַזעלכע קונצן, וואָס זיי פלעגן זיך אויסלערנען ביי אַ קונצנמאַכער.

פון דעם אַרט בדחנים האָב איך איינעם גוט געקענט אונטער דעם נאָמען „סאָניע דער ביאַליסטאָקער". ער האָט געהאַט אַ גרויסן טאַלאַנט אין מימיק און קאָמיק. ווען ער וואָלט שטודירט אין דעם און באַזעסן פיל-ווינציק בילדונג, וואָלט ער אַ באַרימטער אַרטיסט געווען. אַזוי אָבער ווי ער איז אין זיין יוגנט געווען אַ דאַמען-שוסטער, האָט קיין שום בילדונג ניט געהאַט, ניט קיין יידישע און ניט קיין איירָאָפּעאישע, האָט ער זיך, ווי אַלע בדחנים זיינס גלייכן, אויסגעלערנט אָט די אַלע סקאַרבאָווע זאַכן, וואָס אַ חתונה פאָדערט, און איז געוואָרן אַ בּדחן. ער האָט געהאַט אַ כח אַליין אויסצוטראַכטן פאָרשטעלונגען, למשל: „דער קאַרגער בחור", „דער קליינשטעטלדיקער חזן", „די עגונה זוכט איר מאַן", „פון וויגל ביז דעם גריבל" (די פאַרשיידענע פּעריאָדן פון אַ מענטשנס לעבן), האָט געפירט מיט זיך אַ טשעמאָדאַן מיט בערד, פאַרשיידענע קליידער, אויך דאַמען-קליידער, און האָט אויסגעפירט יעדע זאַך מיט זיין מימיק און קאָמיק ווי אַן אמתער קינסטלער. געוויינלעך די ווערטער פון די קופּלעטן מיט דער מוזיק — דאָס האָט מען אים שוין געשאַפן, נאָר די אויספירונג מיט דעם מאַסקירן און גרימירן זיך — איז געווען אַרטיסטיש.

אין גרונט גערעדט האָט דאָס מיט בדחנות גאָר אַ קנאַפּן אויפטראַג [שיכות], דאָך האָט ער זיך פאָרט גערופן „סאָניע דער ביאַליסטאָקער בּדחן"."

א. ליטווין — „סאָניע" איז געווען דער לעצטער בּדחן, „טאָג", ניו-יאָרק, 4 מאַי, 1929.

ב. סלוצקי — יידישע באַדכאָנים-שוישפּילער, „צייטשריפט", I, מינסק, 1926, ז. 257.

י. זיזמער — „פון מיינע זכרונות" אין „פּנקס פאַר דער געשיכטע פון ווילנע", ווילנע 1922.

סיגעטער, הערש-לייב

[גאָטליב]

געבוירן 1844 אין סיגעט-מאַרמאַראָש, אונגאַרן (איצט רומעניע). ביז 20 יאָר געלערנט אין פאַרשיידענע ישיבות, דערנאָך חתונה געהאַט, און זיצנדיק אויף קעסט ביים שווער, אַ רייכער דאָרפס-בעל-הבית, ווייטער עוסק געווען אין תלמוד, דערביי אָבער אויך געלערנט העברעאיש און דייטש, איבערזעצט אויף העברעאיש שילערס „די גלאָקע", געטעס „פיר עלעמענטע", קאָצעבוס „די פאַרצווייפלונג".

ה. איז געווען אין די יונגע יאָרן אַ בדחן, אַ פּאָעטישע נשמה און אַ גלענצנדער מנגן. זיין נאָמען ניט אַלס גאָטליב, נאָר אַלס ר' הערש לייב סיגעטער איז געווען אַ שם-דבר אין אונגאַרן, גאַליציע און רומעניע, באַזונדערס אָבער אין סלאָוואַקיע און קאַרפּאַטן-רוס.

ס.'ס חכמות, דרשות, גלייכווערטלעך, משלים, וויצן, שטעכווערטלעך, לידלעך, וועלכע ער פלעגט זאָגן „שטייגרייף" אויף די גרעסטע נגידישע חתונות, זיינען תיכף אויפגעכאַפּט געוואָרן און שנעל פּאָפּולער געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד, בפרט זיין „חנוכה-ליד".

ס. איז געווען אין זיין געגנט דער אויפשטורמער פון יידיש, פריער אַלס בדחן און פאָלקסזינגער, און דערנאָך אַלס רעדאַקטאָר פון העברעאישע און יידישע וואָכנבלעטער.

אין אָנהייב פון די 80-ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט איז ס. געווען רעדאַקטאָר-ארויסגעבער פון העברעאישע צייטשריפטן, 1893-4 פון יידישן וואָכנבלאַט „די יודישע פאָלקסצייטונג" אין מאַרמאַראָש סיגעט, דערנאָך פון די וואָכנבלעטער „ציון" און „דיא וואהרהייט".

אין יענער צייט איז ס. געווען אַן אפיקורס, און האָט פאַרביטערט געקעמפט קעגן אַסימילאַציע און צביעות. אין זיינע וואָכנבלעטער האָט ס. פאַרעפנטלעכט פיל אייגענע לידער, וויצן, משלים, פעליעטאָנען, דערציילונגען, סקיצן און אויך פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע שמועסן.

פאַר זיין אפיקורסות איז ס. שטאַרק פאַרפאָלגט געוואָרן פון די פני פון מאַרמאַראָש-סיגעט ביז זיין ווידערשטאַנד איז געבראָכן געוואָרן און היינט צו טאָג איז ס. אַ פולשטענדיקער בעל-תשובה.

ס. האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידיש אין קאַרפּאַטן-רוס אַלס דער פּיאָנער פון געדרוקטן יידישן וואָרט אין יענער געגנט.

ם. ע. פון איציקל גאָלדענבערג.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט" I, זז. 458-9.

ש. י. דאָרפזאָן — דער יחוס פון יידיש אין קאַרפּאַטן-רוס, „ליט"בל", וואַרשע, 35, 1929.

סענדער בדחן

[אליהו-אלכסנדר פידעלמאַן]

[געב. [7]1825 — געשט. 10 מערץ 1892]

געב. [7] 1825 אין מינסק, ווייסרוסלאַנד, זיין פאָטער — ראובן דער קלעזמער — האָט געשמט פאַר אַ גוטן וויאָלאָנטשעליסט.

לכתחילה האָט אים דער פאָטער געלערנט שפּילן, און סענדער האָט זיך טאַקע ארויסגעוויזן אַלס באַגאַבטער וויאָלאָנטשעליסט און גיטאַרע-שפּילער, אָבער אַביסל שפּעטער האָט זיין פאָטער איינגעזען, אַז בדחנות איז אַ גוטע פּרנסה, און ער האָט געווירקט אויף סענדערן, אַז ער זאָל ווערן אַ בדחן.

גאָר איינגיכן האָט זיך סענדער דערוואָרבן אַ נאָמען אין מינסק און אין דער סביבה, אַזוי, אַז אָן אים האָט זיך קיין שום מערוויניקער רייכע חתונה ניט געקאָנט באַגיין. ער פלעגט פאַרבעטן ווערן אויף חתונות אין די ווייטסטע פּונקטן פון ווייס-רוסלאַנד, אין ווילנע, גראָדנע, און פיל אַנדערע שטעט, צוליב וואָס ער האָט זיך אפילו געקויפט אַן אייגן פערד און וועגעלע.

סענדער האָט זיך ביי אַ דייטש אויסגעלערנט מאַגיק, און פלעגט מאַכן קונצן אויף חתונות.

סענדער איז געווען אַ קליינער למדן, אַ רייכע, אוממיטלבאַרע נאַטור, מיט פרייע באַהעמישע ניגונים, געווען באַשאָנקן מיט אַ פאָלקסטימלעכן הומאָר, און געטראָגן אין זיך אַן עכט-פּאָעטישן פונק.

אַ דאַנק פאולינא וועגנראָוו זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן צוויי לידער-זאַמלונגען פון סענדערן:

שירי אסף

אָדער

די קליינשטעטילדיגע חתונה

מאת אלכסנדר סענדער פידלמאַן, ווילנע

שנת תר"לג [1873]

און

לידער צום צייט פערטרייבונג

מאת אלכסנדר פידלמאַן, ווילנא, 1877

צווישן די מאַנוסקריפּטן, וואָס זיינען געבליבן פון אים, געפינט זיך אַ דראַמע מיטן נאָמען „שמשון הגבור", וואָס האָט אויף זיך די דאַטע פון 1883, און אַ גרויסע סעריע לידער, קיינמאָל ניט געדרוקטע, קענטיק פון פאַרשיידענע דאַטן, הגם אויפן איינבונד פון מאַנוסקריפּט שטייט דאָס יאָר 1879.

אין זיין שרייבן (לויט נ. א. [נ. אויסלענדער]) דערנענטערט פידלמאַנען צום טיפ פון אַ פאָלקסשרייבער זיין חוש צום רעאַלן לעבן, צו אָרטיקע פאַקטן און פאַרהעלטנישן. אין קעגנזאַץ צו אַנדערע בדחנים, האָט זיך פידלמאַן ווייניק אָפּגעגעבן מיט אַלגעמיינע באַטראַכטונגען, נאָר מער מיט רעאַליסטישע זשאַנר-בילדער, פאַר וועלכע ער האָט געהאַט אַ שאַרף אויג. ער איז געווען אַ מייסטער צו שילדערן געשטאַלטן. זיינע פיגורן קומען אויס באַלויכטן מיט אַביסל גראָבלעכן הומאָר, אָבער זיי לעבן אויף פאַר די אויגן און פאַרבלייבן אין זכרון. אין זיינע שילדערונגען פון דער מינסקער יידישער סביבה ווענדעט ער שטענדיק זיין אויג צום ווינקל פון נויט און אָרימקייט.

סענדער איז אַ שטיקל צייט געווען אויך אַ הויף-לץ ביים ליבאַ-

וויטשער רבי, און איינמאָל איז צווישן סענדערן און אַ צווייטן הויף-ליץ פּסח אליי בדחן פאָרגעקומען אַ וואָרט-דועל.

פון זיין בדחנות איז באַזונדערס באַוואוסט זיין טייטשן דעם תהלים פאַרקערט, וואָס פלעגט אויסקומען אַפּיקורסיש, און צוליב דעם האָבן די רבנים געקוקט אויף אים קרומלעך.

אַ געוויסע צייט האָט סענדער אויך געאַרבעט אַלס שרייבער אין מינסקער יידישן שפּיטאַל, און אויך אַלס שרייבער אין מינסקער קהל-שטיבל.

סענדער איז געווען אַ דיקלעכער, מיט אַ בייכל, מיט אַ געזונטן קאַרק, געגאַנגען רייך געקליידעט און מיט אַ גאָלדענעם קייט אויף דער ברוסט. ער איז אויך געווען אַן אַמאַטאָר-פאָטאָגראַפיסט.

לויט יעקב זיזמאַר איז סענדער געווען אַ בעל-לשון, און ער פלעגט שרייבן נוסחאות אויף מצבות.

ב. סלוצקי — יידישע באַדכאָנים-שוישפּילער, „צייטשריפט", מינסק, 1926, I. זז. 259-60.

נ. א. — צו ב. סלוצקיס באַדכאָנים-שוישפּילער, „צייטשריפט", מינסק, 1926, I. זז. 262-4.

יעקב זיזמאַר — פון מיינע זכרונות וועגן בדחנים, „פּנקס", ווילנע, 1922, ז. 877.

עוזר מאַרשעליק

[ראָהאַטינער?]

[געב.... — געשט. 1886]

אַ לעמבערגער, געווען זייער באַליבט אויף חתונות. פלעגט דאָרט פאָרשטעלן „אַ חסיד" און „מיין שלים-מזלניצע", אין וועלכער ער האָט געשפּילט אַ יידענע, און פלעגט דערביי קונציק פאַרשטעלן זיין באָרד.

געווען אַ גרויסער בן-תורה, און דעריבער פלעגט מען אים אַרויס-רופן אויף רבנישע חתונות אפילו אין רוסלאַנד.

געשריבן לידער פאַר די בראָדערזינגער.

ע. איז געשטאָרבן אין 1886.

מ. ע. פון גרשם באַדער און איציקל גאָלדענבערג.

פּסח אליי בדחן

[פּסעוודאָנים „פודעלע"]

געב. אין באָברויסק, און געוואוינט אין האָראָדאָק.

יעקב זיזמער [איינער פון די לעצטע בדחנים, גערופן דער „זיז-מערער בדחן", וועלכער האָט זיך אָנהויב פון דער מלחמה באַ-זעצט אין ווילנע און שוין דאָרט געבליבן ביז זיין טויט עטלעכע יאָר שפּעטער] שרייבט אין „פון מיינע זכרונות וועגן בדחנים" אין ווילנער „פּנקס", 1922, וועגן פּסח אליהון: „ער איז געווען דער גאון פון אַלע בדחנים פון דער לעצטער צייט. זיין בקיאות אין נ"ך מיט אַלע מפרשים איז גאָרניט צו שילדערן, מען האָט אים נאָר געדאַרפט זאָגן צוויי ווערטער, פלעגט ער זאָגן דעם פּסוק פון פריער און פון דערנאָך. ער איז געווען אַ גרויסער בקי אין תלמוד און מדרש, געהאַט אַ שיינע אויסשפּראַך און אַ שיין אויס-זען. רבנים, לומדים מופלגים האָבן פאַר אים געהאַט דעם גרעסטן דרך-ארץ, און פלעגן זייערע בריוו טיטולירן „להרב הבקי בחדרי תורה". פּסח אליי האָט געהאַט אַ גאונישן קאָפּ, פלינקע איינפאַלן, און מיט זיין קלוגן, טיפן בליק פלעגט ער באַצויבערן אַלע צוהערער. ער איז געווען דער מקור פון וועלכן אַלע בדחנים האָבן גענומען שטאָף. פּסח אליי האָט געלערנט אליקום צונזערן צו זיין אַ בדחן".

פּסח אליי האָט ניט נאָר געזונגען לידער, און געווען אַ הויף-ליץ אין ליבאַוויטשער הויף, וואו ער האָט זיך אַמאָל דערלויבט זייער אַ שאַרפע סאַטירע אויפן רבין, נאָר ער האָט אויך אין 1871 אַרויס-געגעבן אין ווילנע זיינס אַ ביכל לידער: [איבערגעשריבן לויט אונזער אָרטאָגראַפיע.]

כנף רננים

אָדער

זעקס פאָלקסלידער

וואָס קריטיקירן איניקע זאַכן, וואָס עקזיסטירן אויף דער וועלט:
1) דער פּראָפעסער, 2) די יוגנט און די עלטער, 3) דער טעלעגראַף,
4) דער סיגאַר, 5) די אודקע, 6) די שפּיגל.

מאת הבדחן המפורסם המשורר הנפלא בלשון הקודש זשאַרגאָן
מו"ה פּסח אליי, יליד באברויסק ומקום מגורו האָראָדאָק
ווילנע, שנת תרל"ב לפ"ק

פון דעם פאָרוואָרט (אויף העברעאיש) דערוויסן מיר זיך, אַז אין דעם ביכל גייען אַריין נאָר די אַלטע לידער, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן אין די יאָרן 1850-59. ווייטער דערציילט דער מחבר, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין חשק צו דריקן די לידער, נאָר געטאָן האָט ער עס דערפאַר ווייל איינער האָט אַרויסבאַקומען זיינע לידער און זיי פאַרקויפט צו בדחנים, און אויב די לידער וועלן געפעלן, וועט ער דרוקן אויך די אַנדערע.

די לידער, וואָס גייען אַריין אין דער דאָזיקער זאַמלונג, צייכנען זיך וויניק וואָס אויס פון דער גרויסער צאָל בדחנישע לידער-זאַמ-לונגען, וואָס זיינען דערשינען אין די זיבציקער יאָרן. זיי באַקו-מען אָבער אַ באַזונדערן אינטערעס ווען מען נעמט אין אַכט, אַז זיי זיינען געשריבן געוואָרן אין פעריאָד פון 1850-9, ד. ה. אין דער צייט ווען דער בדחנישער שטייגער צו שרייבן לידער, צוגעפּאַסטע צום זינגען און צום „פאָרשטעלן", האָט אין רוסלאַנד נאָך ניט גע-האַט קיין מוסטער פאַר זיך. די לידער הויבן זיך דאָס רוב אָן מיט ווענדונגען צו די צוהערער און מיט צושפּילן [ריטורנעלס].

זיזמער גיט איבער, אַז פּסח אליי האָט פיל געטרונקען. אויף די עלטערע יאָרן האָט ער געוואָרפן דאָס בדחנות, און זיך געלעבט אין זיין גרויס, שיין הויז אין האָראָדאָק, אַרומגערינגלט מיט אַ פרוכט-גאָרטן און בינשטאָקן, האַלטנדיק צום אַנדענק דאָס וועגעלע מיט וועלכן ער פלעגט אַליין אַרומפאָרן ווען ער איז נאָך געווען אַ בדחן.

ב. סלוצקי — יידישע באַדכאָנים-שוישפּילער, „צייטשריפט", מינסק 1926, I, זז. 259-60.

נ. א. — צו ב. סלוצקיס „באַדכאָנים-שוישפּילער", „צייטשריפט", מינסק 1926, I. זז. 261-2.

יעקב זיזמער — פון מיינע זכרונות וועגן בדחנים, „פּנקס", ווילנע, 1922, זז. 875-877.

צונזער, אליקום

[זע צונזער אליקום].

קלעבאַנאָוו, הלל

[זע קלעבאַנאָוו הלל].

בודאַנאָוו, בעסי

[בודניק]



געב. 12 סעפּט. 1904 אין בעלאַ צערקאָוו, קיעוו. גוב., אוקראַאינע. פאָטער — אַ לערער פון רוסיש.

צוליב עקאָנאָמישע סיבות פאָרן די עלטערן צו זייערע דערוואַקסענע קינדער אין אַמעריקע און אַזוי קומט ב. קיין אַמעריקע אין עלטער פון 5 יאָר. דאָ ענדיקט ב. פּאַבליק-סקול, לערנט 2 יאָר אין האַי-סקול, און ווערט אַ סטענאָגראַפיסטין ביי אַן אַדוואָקאַט. נאָך אין דער שול שפּילט זי אין די קינדער-פאָרשטעלונגען, און שפּעטער ווערט זי אַ מיטגליד אין קונסט-רינג, וואָס איז פאַרבונדן מיטן יידישן קונסט-טעאַטער. באַטייליקט זיך אין די מאַסן-סצענעס פון די דאָרטיקע אויפפירונגען, דערנאָך שפּילט זי אַ קורצע צייט ביי אַנשעל שאָר אין פילאַדעלפיע, דאַן אין אוירווינג פּליים-טעאַטער, וואו זי שפּילט די קינדער-ראָל אין „ליליאָם" פון מאָלנאַר. פון דאַנען גייט זי איבער אויף צוויי סעזאָנען צו אַנשעל שאָר אין פילאַדעלפיע, אַ סעזאָן צו דזש. נאַטאַנסאָן אין באָסטאָן, אַ סעזאָן אין אוירווינג פּליים מיט זאַין און אַ סעזאָן מיט בן-עמי. 1927-8 שפּילט ב. אין שיקאַגאָ ביי על. גליקמאַן, 1928-9 אין ניו-יאָרקער נייִשאָנאַל-טעאַטער, 1929-30 אין האָפּקינסאָן-טעאַטער.

אַמפּלואַ — געזאַנג-ליבהאָבערין.

מ. ע.

בודקין, מישע

געב. 18 אַפּריל 1885 אין נאָווי-בוג, כערסאָנער גוב. אוקראַאינע. פאָטער — אַ געוועזענער קאָלאָניסט, שפּעטער אַ תבואה-סוחר. ביז 9 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך ביי אַ פעטער, אַ תלמיד-חכם, אין דער יידישער קאָלאָניע נאָוואָפּאָלטאַווקע. צוריקגעקומען קיין נאָווי-בוג, איז ב. געוואָרן אַ משורר ביי אַ חזן. אין 1904 קומען צופאָרן יידישע וואַנדערנדע אַקטיאָרן, און אונטער זייער השפּעה אָרגאַניזירט זיך אַ גרופּע יונגעלייט אין שטעטל, צווישן זיי אויך ב., און פירן אויף אין משך פון 2 נעכט „מכירת יוסף" פון אליקום צונזער אין 17 אַקטן.

אין 1906, נאָך זיין פאָטערס טויט, פאַרטרעטנדיק אים אין געשעפט, פאָרט ב. אַמאָל קיין זשיטאָמיר, וואו ער טרעפט מישוראַטס טרופּע, מיט וועלכער ער איז באַקאַנט פון זיין שטעטל, און ער טרעט אַריין אין דער טרופּע און שפּילט דאָרטן אייניקע חדשים. 1907 שפּילט ב. ביי סאַבסיי, און אין 1908 ווערט ער צוזאַמען מיט גוזיקן דירעקטאָר פון אַ טרופּע, אָבער צוליב רדיפות מצד דער מאַכט, צעפאַלט זיך באַלד די טרופּע, און ב. שפּילט אין פאַרשיידענע טרופּעס ביז 1912 ווען ער טרעט אַריין אין פישזאָנס טרופּע. כדי אויסצומיידן מיליטער-דינסט איז ער אין 1917 געצוואונגען מיט נאָך אייניקע אַקטיאָרן אויסצוואַנדערן קיין כאַרבין, וואו ער, לעבעדיעוו, קושטשינסקי און אירים ווערן מאָביליזירט דורך דער קערענסקי-רעגירונג אַלס „אַרמיי-טעאַטער-קרייז", שפּילנדיק אויף רוסיש פאַר די סאָלדאַטן. צוליב פּאָליטישע סיבות מוזן די יידישע אַקטיאָרן פון דאָרט אַנטלויפן, און אַזוי קומען זיי קיין שאַנכיי, כינע, וואו אַ טייל פון דער פישזאָן-טרופּע שפּילט אַ קורצע צייט יידיש, און ב. וואַנדערט דערנאָך אויס קיין קאַנאַדע. דאָ שפּילט ב. 2 סעזאָנען אין וויניפּעג, און קומט אין מאַי 1923 אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, וואו ער שפּילט 2 יאָר וואָדעוויל און פון צייט צו צייט אין לעגיטימען טעאַטער. 1925-7 באַטייליקט זיך ב. צוזאַמען מיט זיין פרוי אין קאָנצערט-טורנעען פון „אַרבעטער-רינג". 1927 איז ב. אַריינגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער יוניע, און איז באַלד דערויף אַנגאַזשירט געוואָרן צו גליקמאַנען אין שיקאַגאָ, 1928-9 שפּילט ב. אין מאָנטרעאַל, 1929-30 — אין דעטראָיט ביי ליטמאַן.

ש. ע.

בודקין, צילע

[ציפּע מאָגילנער]

געב. 22 מערץ 1893 אין באָברויסק, מינסק. גוב., ווייס-רוסלאַנד. פאָטער — מעל-סוחר. אין 1897 טראָגט זיך איבער די פאַמיליע קיין וואַרשע. אַלס מיטגליד אין ליבהאָבער-קרייזן טרעט ב. אויף אין 1907 אין מוטער-ראָלן אין „גאָט מענטש און טייוול" און פּינסקיס „פאַמיליע צבי" אין אַ ליבהאָבער-קרייז אונטער דער רעזשי פון אַקטיאָר שידלאָווער. נאָך אייניקע מאָל שפּילן אין פּראָווינץ, ווערט די ליבהאָבער-טרופּע פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָפעסיאָנעלע, אָבער זי האַלט ניט אָן מער ווי 3 חדשים. אין 1908 טרעט ב. אַריין אין דער פּראָפעסיאָנעלער טרופּע פון גוזיק, אין זעלבן יאָר נאָך קומט זי אָן אין סאַבסיים טרופּע, וואו זי זינגט אין כאָר, שפּילט ראָלן, אָבער באַלד פאַרלאָזט זי די טרופּע, און גייט איבער צום דאַמאָלט-געגרינדעטן „הירשביין-טעאַטער" אין אָדעס, און בלייבט דאָרט ביז די טרופּע צעפאַלט זיך. דערנאָך שפּילט ב. מיט פאַרשיידענע טרופּעס ביז 1912 ווען זי ווערט אַנגאַזשירט צו פישזאָנען מיט וועמען זי שפּילט אין צענטראַל-רוסלאַנד ביז 1917. דאַן עמיגרירט זי מיט די אַנדערע יידישע אַקטיאָרן קיין כאַרבין, וואו זי שפּילט כמעט 3 יאָר. אין 1920 ווערט ב. אַנגאַזשירט אַלס רעזשיסער פון ליבהאָבער-קרייז „אימל"ד"ג" (אידיש מוזיקאַליש-ליטעראַריש-דראַמאַטישע געזעלשאַפט) אין כאַרבין, וועלכן זי האָט געהאָלפן גרינדן. זייט דאַן מאַכט זי מיט דעם זעלבן עטאַפּ וואָס איר מאַן מישע בודקין.

ש. ע. פון מישע בודקין.
ש. קוטנער — זכרונות וועגן דער הירשביין-טרופּע.
(„טעאַטער זכרונות", רעד. ז. זילבערצווייג, ווילנע 1928, זז. 9-86.)

בוזגאַן, חבל

געב. 24 דעצ. 1897 אין ווילנע, פּויליש-ליטע. פאָטער—אַ הענטשקע-מאַכער, וועלכער טראָגט זיך איבער קיין ביאַליסטאָק, וואו ער וואַרפט די מלאכה, און עפנט אַ געשעפט פון הענטשקעס און באַנדאַזשן. געלערנט אין אַ חדר-מתוקן, און נאָכן פּאָגראָם פון 1905 פאָרט ער מיט דער פאַמיליע צוריק קיין ווילנע, און טרעט אַריין אין דער שול ביים ווילנער לערער-אינסטיטוט. דאָ דעקלאַמירט ב. אויף די שול-יום-טובים און ווען ער טרעט אַריין אין די העכערע קלאַסן פון דער שול, איז ער דער אָרגאַני-

זאַטאָר און מיטבאַטייליקער אין די שול-פאַרווייִלונגען. דערנאָך אָרגאַניזירט ער אַ דראַמאַטישן קרייז, וואו ער שפּילט אויף רוסיש.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע פאָרט ב. אַוועק אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד, און דאָ אָרדנט ער איין אין לאַוענשטיין ייִדישע פאָרשטעלונגען. צוריקגעקומען קיין ווילנע, טרעט ב. אַריין אין דראַמאַטישן קרייז אָנגעפירט דורך מאַלסקי. פון 1917 ביז 1919 סופלירט ער אין פּראָפעסיאָנעלן ייִדישן טעאַטער, און דערנאָך אין קוסטיום מיניאַטור-טרופּע, מיט וועלכער ער פאָרט קיין לאָדזש, און דאָ טרעט ער אַריין אַלס סופלער אין דער „ווילנער טרופּע“. אין 1921 באַקומט ער אין דער טרופּע די געלעגנהייט אויפצוטרעטן אין „בעל-הבית“ אין „דאַרפסיונג“, און בלייבט שוין אַלס אַקטיאָר אין דער „ווילנער טרופּע“ מיט וועלכער ער מאַכט מיט ביז 1923 דעם טורנעע איבער פּוילן און אין ווין. אויף אַ יאָר צייט וואַרפט ער די בינע און ווערט אַן אַנגעשטעלטער אין אַ שיף-געזעלשאַפט, שפּעטער טרעט ער אַריין אין דער ווילנער דראַמאַטישער טרופּע (אסתּר רחל קאַמינסקי, זיגמונד טורקאָוו, ש. קוטנער און סאַמבערג), דערנאָך אַ קורצע צייט מיט מאַרעווסקין, שפּעטער אַ סעזאָן אין לי-פּאָווסקיס פאָלקס-טעאַטער, דאַן מיט לידיאַ פּאָטאָצקאַ, שפּילט מיט די גאַסטראָלערן באַראַטאָוו און יוליוס אַדלער, אַ קורצע צייט אין „וויקט“ און טרעט דערנאָך אַריין אין געגרינדעטן ריגער „נייער ייִדי-שער טעאַטער“. שפּעטער מאַכט ער מיט אַ טורנעע מיט פּאָטאָצקאַ, און זייט 1927 שפּילט ער ווידער צוריק אין ריגער „נייער ייִדישער טעאַטער“, וואו ער איז דער באַפולמעכטיקטער פון ייִדישן אַרטיסטן-פאַריין אין פּוילן.

ב.'ס יונגערער ברודער איז אַ שוישפּילער אין „סאָוו-קינאָ“ אין מאָסקווע.

ש. ע.

בוועט, איזידאָר

געב. 12 אַפּריל 1886 אין קאָוונע, ליטע. פאָטער איז געווען אַ גר. מוטער — פון דער יחוסדיקער פאַמיליע בערקאָוויטש. דער פאָטער שטאַרבט ווען ב. איז נאָך יונג, און ער ווערט דערצויגן דורך זיין מוטער. געלערנט אין חדר, שפּעטער אין אַ רוסישער שול, דערנאָך באַזוכט די אָוונט-קורסן פון דער רוסישער קונסט-אַקאַדעמיע. געלערנט אויך מוזיק און גענומען אַ קורס אין אַ דראַמאַטישער שול.

אין עלטער פון 16 יאָר געקומען אין אַמעריקע, דאָ אַריינגעטראָטן אין דער „פרייע ייִדישע פאָלקס-בינע“ און זיך באַטייליקט אין די אויפפירונגען פון איבסענס „פאָלקס פיינט“, פּשיבישעווסקיס „גליק“ און „געסט“ א. א.

ב. אַרבעט אַלס קאַרטוניסט אין „קונדס“ און אין אַנדערע פּע-ריאָדישע אויסגאַבן, און ווערט אַ נאָנטער פריינט אין דער פאַ-מיליע אַדלער.

פּראָפעסיאָנעל האָט ב. אָנגעהויבן שפּילן דורך אַ צופאַל ווען ער האָט אין סעקאָנד עוועניו-טעאַטער פאַרטראָטן אַ קראַנקן אַק-טיאָר, און זייט דאַמאָלט פלעגט ער פון צייט צו צייט שפּילן פּראָפעסיאָנעל.

אין 1920 שפּילט ב. צוזאַמען מיט יעקב פּ., סעראַ, פרענציס און סטעלאַ אַדלער אַ סעזאָן אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן-טעאַטער, דער-נאָך נעמט ער אַליין איבער די דירעקציע פון טעאַטער, דאַן שפּילט ער 2 סעזאָנען אין פּאַריז ביי בלומענטאַל, קומט צוריק אין אַמע-ריקע, און פאָרט אַרום אַ סעזאָן מיט ייִדיש און רוסיש טעאַטער מיט סעראַ אַדלער, שפּילט 2 סעזאָנען אויף דער ענגלישער וואָ-דעוויל-בינע אין ניו-יאָרק און אין דער פּראָווינץ, פאָרט אָפּ קיין לאָנדאָן שפּילן ייִדיש, און קומט אין 1925 ווידער צוריק קיין אַמעריקע, וואו ער שפּילט אַ סעזאָן מיט יאָזעף קעסלער אין מאָונט מאָריס טעאַטער, 1927 נעמט ער איבער צוזאַמען מיט איזידאָר קע-שיער דאָס מעקינלי טעאַטער, וואו ער שפּילט אַ סעזאָן, און דערנאָך שפּילט ער אַ קורצע צייט אין בראָנזווילער ליבערטי-טעאַ-טער.

מ. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע, „מא“זש“, 6 יאַנ., 1928.

בוים, אברהם

[געב. 1864 — געשט. 1901]

געב. 1864 אין אָדעס, אוקראַאינע. אַן אייניקל פון אָדעסער דיין ר' זיסע. וועגן זיין יוגנט איז נאָר באַוואוסט, אַז ער האָט צוזאַמען מיטן שפּעטערדיקן אַקטיאָר קאַצמאַן געאַר-בעט אין אַ טאַבאַק-פאַבריק, און ווען נפתלי גאָלדפאַדען שטעלט צונויף אַ טרופּע, האָט ער דאָרט געשפּילט.

אין 1886 טרעפט מען אים שפּילן צוזאַמען מיט די גראַדנערס און אַדלער אין ריגע, פון וואַנען זיי פאָרן, צוליבן פאַרבאָט אויף ייִדיש טעאַטער אין רוסלאַנד, קיין לאָנדאָן, אָבער באַלד נאָך דער באַ-רימטער „שרפה“ אין טעאַטער פאָרט ער אין 1887 צוזאַמען מיט אַדלערן און די גראַדנערס קיין אַמעריקע, וואו ער שפּילט אין פאַרשיידענע טרופּעס — אין אָנהויב אַלס ליבהאָבער, שפּעטער אַלס גזאַנג-פאָטער-ראָליסט, באַזיצנדיק אַ גרויסן באַריטאָן.

כדי צו מאַכן אַ לעבן איז ער אין אַמעריקע, חוץ אַקטיאָר, געווען אויך אַ קאַפע-באַזיצער, און די שוישפּילער פלעגן גערן באַזוכן זיין קאַפע-הויז.

דאָ פלעגט ער זיך אָפט ווייצלען אויף זייער און אויף זיין איי-גענעם חשבון.

אין 1901 איז ער קראַנק געוואָרן אויף אַ לונגען-אָנטצינדונג, און נאָך 5 טעג איז ער געשטאָרבן, קומענדיק צו זיין אייביקער רו אויפן וואַשינגטאָן-בית-עולם אין ניו-יאָרק.

מ. ע. פון זיין פרוי, יעקב קאַצמאַן און בינע אַבראַמאָוויטש.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, I, ז. 242, II, זז. 49, 51.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס-געשיכטע“, ניו-יאָרק, 1916, ז. 160.

בוים, אלימלך

געב. 5 יולי 1896 אין וואַרשע, פּוילן. על-טערן — פרומע סוחרים. געלערנט אין חדר, און אין דער פרישטער יוגנט באַזוכט קאָמ-פּאַניעיעס פאָרשטעלונגען, ביז מען האָט אים אַריינגענומען צווישן די קינדער-סטאַטיסטן אין לאַטיינערס „חורבן ירושלים“. אין 1912 באַקענט זיך ב. מיט „ליבהאָבער“ און באַטיי-ליקט זיך אין פלאָנסק אין אַ פאָרשטעלונג פון „מטורף“ אין וועלכן ער שפּילט דעם „אינ-זשענער“. אייניקע יאָר שפּילט ב. אין ליב-האָבער-פאָרשטעלונגען ביז אין 1915 טרעט ער אַריין אין אַ פּראָ-

פעסיאָנעלער טרופּע מיט וועלכער ער פאָרט אַרוים אויף דער פּראָווינץ, מאַכנדיק די שטאָט לובלין פאַר זייער אויסגאַנג-פּונקט. אין 1918 פאָרט די טרופּע קיין אוקראַאינע, וואו ב. שפּילט ביז 1920. זייט דאַמאָלט שפּילט ב. אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, שווייץ און לעצטנס אין בעלגיע.

ש. ע.

בוים, אננאַ

[חנה פּאָלאַקאָווסקאַ]

געב. 23 אויגוסט 1898 אין לאָדזש, פּוילן. פאָטער — חזן-שוחט. האָט זיך אויסגעצייכנט אין די שילער-אויפפירונגען אין דער שול. צוליב דער באַקאַנטשאַפט מיט כאָריסטן פון יידישן טעאַטער, וועלכע דער פאָטער האָט צוגענומען אַלס משוררים אויף ימים-נוראים, באַקומען אַ מעגלעכקייט צו ווערן נאָענט מיטן טעאַטער-לעבן, און אין 1915 אַרויסגעפאָרן מיט דער לאָדזשער טרופּע קיין קאַליש. נאָך דער חתונה מיט אלימלך בוים, מיטגעמאַכט דעם זעלבן עטאַפּ וואָס ער.

ש. ע.

בוימוואָל, יהודה-לייב

[געב. 1892 — געשט. . . . אַפּריל 1920]

געב. 1892 אין וואַרשע, פּוילן, ביי בעל-הביתישע עלטערן. געלערנט אין ישיבה. אין עלטער פון 17 יאָר געוואָרן אַ „ליבהאָבער", און דערנאָך אָנגעהויבן סופלירן פּראָפעסיאָנעל אין וואַרשעווער „עליזעאום" פאַר וועלכן ער האָט שפּעטער אויך געשריבן איינאַקטערס.

אין 1912 געווען אָפּערעטן-רעזשיסער אין יוליוס אַדלער-ליפּאָווסקיס צירק-טעאַטער אין לאָדזש, און דאָ אויך אַרויסגעגעבן „אויף אַ רעפּעטיציע", קאָמעדיע אין איין אַקט [לאָדז, 1912, 16 ז. 16°], אין 1913 אַריינגעטראָטן צו זאַנדבערגן אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער, און דאָרט אויפגעפירט זיין אָפּערעטע „פיר פאַרליבטע" אָדער „דר. זייפנבלאָז", שפּעטער זיין אָפּערעטע „דירה-געלט" (מוזיק פון לעאָ קאָפּ), דאַן אַנגאַזשירט געוואָרן צו ליפּאָווסקין אין ווילנע, וואו ער פירט אויף זיין אָפּערעטע „לעבעדיק און לוסטיק" [אַ פריייע באַאַרבעטונג פון ז. זילבערצווייגס איבערזעצונג פון יאַקובסאָנס פאַרס „איין געמאַכטער מאַן"], דערשינען אין בוך-פאָרם: „לעבעדיג און לוסטיג", קאָמישע אָפּערעטע אין 4 אַקטן. פערלאַג פון בוכהאַנדלונג געברידער בלעטניצקי אין אָדעססאַ, אדעסאַ תרע"ד, פּרייז 30 קאָפּ. [80 ז. 16°].

ב. איז געווען אַן אויסגעצייכנטער בינע-טעכניקער, און האָט באַזעסן פעאיגקייטן פאַר בינע-הומאָר, באַזונדערס אין זיינע לייכט- און שטייגרייף-געגראַמטע לידלעך.

בעת דער מלחמה באַזעצט זיך ב. אין רוסלאַנד. דאָ שרייבט ער אָן נאָך צוויי אָפּערעטן „מאַדאַם פריילין", אָפּערעטע אין 3 אַקטן, דערשינען אין פערלאַג פון בוכהאַנדלונג געברידער בלעטניצקי אין אָדעססאַ, אָדעסאַ תרע"ד [80 ז. 16°], און א"פ „בוך" געשריבן „כאַצקעלע כל-בו'ניק", אָפּערעטע אין 4 אַקטן, כאַרקאָוו,

דרוקעריי א. פרידמאַן, פאַרלאַג „ראַמפּע" 1918, פּרייז 5 רובל [64 ז. 16°], אין זעלבן פאַרלאַג איז אויך דערשינען זיין איינאַקטער „אויפן גנב ברענט דאָס היטל".

אַלע פּיעסן פון ב. זיינען געשפּילט געוואָרן מיט אַ גרויסן דערפאָלג צוליב די נייע טעמעס, וועלכע ער האָט אין זיי באַהאַנדלט.

נאָך דער מערץ-רעוואָלוציע האָט זיך ב. אָפּגעקערט פון דער אָפּערעטע, און געוואָרן זייער טעטיק פאַר דער אידעע פון אַ מאָדערנעם ריינעם יידישן טעאַטער. ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון ערשטן צוזאַמענפאָר פון די יידישע אַרטיסטן אין קיעוו, פאָרזיצער פון יידישן אַרטיסטן-פאַריין אין קיעוו, און האָט אין 1918 רעדאַקטירט דעם ערשטן און איינציקן נומער „דער אידישער אַרטיסט".

ב. איז געווען אַ מיטגרינדער פון יידישן קינסטלער-טעאַטער „אונזער ווינקל" אין כאַרקאָוו, דערנאָך אַריבער קיין קיעוו מיט אַ טייל אַרטיסטן פון „אונזער ווינקל" און דאָרט געעפנט אַ טעאַטער „אונזער ווינקל", געווען לערער פון דער יידישער דראַמאַטישער סטודיע אין קיעוו, און פון דאָרט איז ער אין אַפּריל 1920 אַרויסגעפאָרן מיט אַ טרופּע קיין אָדעס, אָבער אויפן וועג איז ער, ביי קאַזיאַטין, בעת דאָס פּוילישע מיליטער האָט פאַרנומען אוקראַאינע, אומגעקומען פון מערדערישע הענט צוזאַמען מיטן יונגן אַקטיאָר יואל (גרישע) עפּשטיין.

ב. האָט צונויפגעשטעלט ספּעציעלע טעאַטער-האַנט-ביכער, און געלאָזט נאָך זיך מאַטעריאַלן פאַר אַ געשיכטע פון יידישן טעאַטער.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 5-234.

זיגמונד טורקאָוו — דאָס יידישע טעאַטער אין רוסלאַנד, „יידיש טעאַטער", וואַרשע, I, 1921.

בולעטין, „קולטור ליגע", 1920, זז. 9-78.

יאָנאַס טורקאָוו — אין שאָטן, „יידישע בינע", וואַרשע, 1, 1924.

בויקע, לייזער [?]

[געב.... — געשט. 1912 [?]]

געבוירן אין מוינעשטי [?], רומעניע. אַ שטיף-ברודער פון שפּעטערדיקן אַקטיאָר לייבעלע שוואַרץ. איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן צוזאַמען מיט דער שפּעטערדיקער אַקטריסע ראָזאַ פרידמאַן מיט אַ שפּיל-קאַסטן (קאַטערינקע).

ווען גאָלדפאַדען הויבט אָן אַרומפאָרן איבער רומעניע מיט דער טרופּע, טרעט ב. צו אים אַריין אַלס רעקוויזיטער, גאַרדעראָבער, באַטייליקט זיך אַלס טענצער און שפּילט אויך קליינע ראָלן. דאָסזעלבע טוט ער אין דער טרופּע פון קרויזע, ווען זי קומט גאַסטראָלירן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ב. צענזורירט אויך די פּיעסן ביי דער מאַכט מיט וועלכער ער איז באַקענט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ב. געוואָרן אַ בדחן אין אָדעס, און גאָר אין דער לעצטער צייט איז ער געוואָרן אין סטאַמבול אַ בראָטער פון רומענישע מאַכלים, און פלעגט שפּילן אויף אַ קעסל-פויק. דאָ איז ער אויך געשטאָרבן אין 1912 [?].

ש. ע. פון אברהם פישקינד, ש. קרויזע, י. טאַבאַטשניקאָוו, צעזאַר גרינבערג און סעם לודוויק.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I, ז. 199.

שלום פּערלמוטער — דער אָנהויב פון אידישען טעאַטער, „ייד. וועלט", פילאַדעלפיע, אַפּריל, 1929.

בוכוואַלד, נפתלי

געב. 14 אַפּריל 1890 אין לייבון, וואָלין, אין דער פאַמיליע פון אַן אייל-פאַבריקאַנט. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר און אין אַ העברעאישער שול, דערנאָך אין אַ קרוניישער פּאָלקסשול, געווען אַן עקסטערן, געאַרבעט אין אַן אַפּטייק, געווען לערער אין קאַליש, פון דאָרט אַוועק קיין פּאַריז. 1910 געקומען קיין אַמעריקע, וואו שטודירט אין אוניווערסיטעט אין דזשאָרדזשיאַ, און אין פּאָליטעכניקום פון ברוקלין. אין 1918 געענדיקט דעם אוניווערסיטעט פון שטאַט ניו-יאָרק, גלייכצייטיק געאַרבעט 3 יאָר אַלס פאַרבער, באַשטימט געוואָרן אַלס דאָצענט אין דעם כעמישן דעפּאַרטמענט פון ניו-יאָרקער קאָלעדזש, אָבער אַנשטאָט דעם זיך געווידמעט דער זשורנאַליסטיק, אין אָנהייב אין ענגליש, דערנאָך אין יידיש, זייענדיק פאַרבונדן אַ לענגערע צייט מיטן „פאָרווערטס“.

ב. שרייבט אָפט אין „פריהייט“ אַרטיקלען און קריטיק וועגן יידישן טעאַטער, און האָט אַ געוויסע צייט אויך רעדאַקטירט די טעאַטער-אָפּטיילונג אין דער דאָזיקער צייטונג. לויט ב.ס איניציאַטיוו איז געגרינדעט געוואָרן די „פריהייט דראַמאַטישע סטודיע“ (שפּעטער „אַרטעף“) וועלכע האָט אין 1927 אויפגעפירט זיין און ב. פענסטערס „סטרייק“, מאַסנשפּיל אין צוויי טיילן, דעק. און קאָסט. פאַס, מוזיק י. שייפער, טענץ סאָפיע בערנזאָן. אין 1928 ב.ס „מיינערס“, טאַבלאָס פון די אַמעריקאַנער קוילן-גרעבער, דעק. י. קאָטלער.

זומער 1928 איז דורך ליבהאָבער-גרופּעס א״ר פון יעקב מעסטעל אויפגעפירט געוואָרן אין קעמפּ „ניט געדייגעט“ ב.ס „דער טראַקטאָר“, אַ דראַמאַטיזאַציע פון פּרץ מאַרקישעס פּאָעמע „ניט געדאַגהט“, „אַ מיינער-שפּיל“, „לעבן און קאַמף פון די קוילן-גרעבער אין אַמעריקע, „לעבעדיקע בילדער פון פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן אין אַמעריקע“.

דעם 12 יאַנואַר 1929 איז אין מאַנהעטן-אָפּערע הויז אויפגעפירט געוואָרן ב.ס „איסט בראָדוויי, קריסטי סטריט און יוניאָן-סקווער“, דעק. י. קאָטלער און ז. מאָוד.

ב. איז אַ מיטגליד אין קונסט-ראַט פון דער פריהייט-דראַמסטודיע, און לערנט דאָרט די טעאָריע פון טעאַטער.

מ. ע. פון יעקב מעסטעל.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 1-240.

בולאָוו, יוסף

[בולקין]

געב. 1899 אין ווילנע, פּויליש-ליטע. פאָטער — אַ סוחר, באַקומען אַ יידיש-אייראָפּעאישע דערציאונג. נאָך אַלס קינד אַרויסגעוויזן אַ פעאיגקייט צו אימיטירן זיין רבין און די סביבה.

אין עלטער פון 13 יאָר שוין געשפּילט מיט „ליבהאָבער“, אין 1919 געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין ווילנע, און נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט אין לאָדזשער דראַמאַטישן טעאַטער ביי קאָמפּאַניעיען טרעט ב. אַריין אין דער „ווילנער טרופּע“ אין וואַרשע. ווען די טרופּע צעטיילט זיך, בלייבט ב. מיטן טייל, וואָס געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון מאַזאַה, און זייענדיק אין רומעניע פירט ער אויף „שבתי צבי“, אַן איינגענע באַאַרבעטונג פון אַש „שבתאי צבי“ און זשולאַווסקיס „דער סוף פון משיח“, און אַ גאַנץ נייע אויפפירונג פון דימאָווס „דער זינגער פון זיין טרויער“ (יאַשקע מוזיקאַנט), באַאַרבעט פון יעקב שטערנבערג, וואָס גייט 150 מאָל אין רומעניע.

אין רומעניע האָט ב. חתונה מיט ליובאַ קאַדיסאָן און ווערט אין 1926 פאַרבעטן מיט איר דורך שוואַרצן קיין אַמעריקע, וואו ער טרעט אויף אין יידישן קונסט-טעאַטער אַלס „פּרץ“ אין „לאַ תחמוד“. 1927-29 איז ב. דער רעזשיסער פון דער „יידיש ליטעראַריש-דראַמאַטישער געזעלשאַפט“ אין שיקאַגאָ, וואו ער באַטייליקט זיך אויך אין די פאָרשטעלונגען און פירט דאָרט אויף צ. א. זיין איבערזעצונג און באַאַרבעטונג „אַ שפּיל אָן אַ נאָמען“ (נאָך העבעלס „דער בריליאַנט“). ב. איז אויך רעזשיסער פון אַ דאָרטיקער ענגלישער ליבהאָבער-גרופּע.

1929-30 — רעזשיסער און אַקטיאָר אין דער „ווילנער טרופּע“ אין בראָנקס, ניו-יאָרק, וואו ער האָט אין נאָוועמבער 1929 אויפגעפירט א״נ „גר-צדק“ זיין באַאַרבעטונג פון קאַציזנאַס פּיעסע „דוכוס“.

מ. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער בינע, „מאָר״זש“, 10 דעצ., 1926.

יוסף בולאָוו — בלעטלעך פון טעאַטער אַרכיוו, „או״ווארט“, בוקאַרעסט 1, 1926.

ס. — שבתאי צבי (אַ מיסטישע דראַמע אין 3 אַקטן, באַאַרבעט נאָך ש. אַש און י. זשולאַווסקי פון י. בולאָוו, רעזשי י. בולאָוו), „אַרב״צט“, טשערנאָוויץ, 211, 1926.

יוסף בולאָוו — אַ בריוו וועגן דער ווילנער טרופּע אין רומעניע „ליט. בל.“ 59, 1925.

יוסף בולאָוו — רעזשיסאָרישע עקספּאָזע פון „שבתי צבי“ און „אַ שפּיל אָן אַ נאָמען“, „אויפברויז“, שיקאַגאָ.

נ. בוכוואַלד — דימאָוו'ס אַ פּיעסע, שיין אויפגעפירט, „פריהייט“ 19 פעברואַר 1927.

דר. ד. מוקדוני — יאַשקע מוזיקאַנט, „מאָ״זש“, 18 פעברואַר, 1927.

דר. א. מאַרגאָלין — לייוויק'ס „שאָפּ“ אין יוסף בולאָוו'ס אויפפיהרונג, קינסטלערישען אויסדרוק, „אידישער קוריער“, שיקאַגאָ, 5 נאָוו. 1927.

דר. א. מאַרגאָלין — לייוויק'ס „שאָפּ“ אין יוסף בולאָוו'ס אויפפיהרונג, „אידישער קוריער“, שיקאַגאָ, 16 מערץ 1928.

אברהמל — די דראַמאַ „גר צדק“ אונטער בולאָווס קינסטלערישער „רעדאַקציע“, „אידישער קוריער“, שיקאַגאָ, 16 נאָוועמבער 1928.

ב. סמאָליאַר — די פאַרנאַכלעסיגטע אידישע פּראָווינץ, „דער אידישער זשורנאַל“, טאָראָנטאָ, 8 יאַנואַר 1929.

אברהמיל — די דראַמאַטישע געזעלשאַפט אין מאָליער'ס אַ קאָמעדיע, „אידישער קוריער“, שיקאַגאָ, 8 פעברואַר 1929.

אברהמיל — דראַמאַטישע געזעלשאַפט אין ל. פולדאַס קאָמעדיע „אַלטע בחורים“, „אידישער קוריער“, שיקאַגאָ, 3 מאַי 1929.

דר. ש. מלמד — גוט-מאָרגען, „אידישער קוריער“, י״ד אייר, 1929.

א. לעיעלעס — אַרום טעאַטער, „די וואָך“, נ. י. 15 נאָוועמבער, 1929.

וויליאַם עדלין — „מאָרד“ געשפּילט פון דער ווילנער טרופּע, „דער טאָג“, נ. י. 8 נאָוו. 1929.

דר. א. מוקדוני — צוויי איבערראַשונגען, „מאָ״זש“, 15 נאָוו. 1929.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פרייע אַרבייטער שטימע“ 15 נאָוו. 1929.

ד. קאַפּלאַן — „מאָרד“ — אויפגעפירט פון דער ווילנער טרופּע, „פאָרוו.“ 8 נאָוו. 1929.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פרייע אַרבייטער שטימע“, 3 יאַנואַר 1930.

דר. א. מוקדוני — די היסטאָרישע אָפּערעטע, „מאָ״זש“, נ. י. 3 יאַנואַר 1930.

דר. א. מוקדוני — „אידעלער ספּעקטאַקל“, „מאָ״זש“, נ. י. 17 יאַנ. 1930.

ד. קאַפּלאַן — דער „גר צדק“, ביי דער ווילנער טרופּע אין די בראָנקס, „פאָרוו.“ 20 דעצ. 1929.

א. לעס — אַרום טעאַטער, „די וואָך“ נ. י. נומ. 14.

וויליאַם עדלין — „גר צדק“, אינטערעסאַנטע, שטאַרקע דראַמע, גע־שפּילט פון ווילנער טרופּע, „דער טאָג“, נ. י. 20 דעצ. 1929.

Szabó Imre—Szomoruságánák Énekese “Uj Kelet,” Bucuresti, 10 Jul. 1926.

Thomas Van Dyke—New Drama at Yiddish Art a Hit, “The World,” N. Y. Feb. 20th, 1927.

Dramatic in “Observer”, Chicago, 1929, pp 61-66.

בולמאַן, גוירטי

געב. 19 אַפּריל 1909 אין לאָדזש, פּוילן. פאָטער — דער אַקטיאָר מאַקס בולמאַן. אין עלטער פון 5 יאָר שפּילט זי אַ קינדער-ראָל אין לאַטיינערס „בינקע און פינקע“ אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער, שפּעטער אַנדערע קינדער-ראָלן, דערנאָך שפּילט זי קינדער-ראָלן אין ליפּאָווסקיס טרופּע אין ווילנע.

ווען אירע עלטערן וואַנדערן אויס פון כאַר־בין קיין סיאַטעל, וואַשינגטאָן, אַמעריקע, שפּילט זי נאָך אַלץ קינדער-ראָלן ביז ערשט אין פילאַדעלפיע, וואו זי ענדיקט פּאָבליק סקול, טרעט זי אויף אין אַ דערוואַקסענער ראָל אין גאָרדינס „סאַפאָ“ מיט קאַליש.

ב. קומט דאַן קיין ניו-יאָרק וואו זי שפּילט אין אירווינג פּליים-טעאַטער, פון דאָרט גייט זי איבער צו עלווינגן קיין נוארק, וואו זי שפּילט 2 סעזאָנען אַלס סובּרעטין און 1928-30 אין סעקאָנד-עווע-ניו-טעאַטער.

ש. ע.

בולמאַן, מאַקס

[געב. 28 פעברואַר 1882 — געשט. 23 מערץ 1925]

געבוירן דעם 28 פעברואַר 1882 אין פּלינסק, פּוילן. פאָטער — אַ שמש. געלערנט אין חדרים און אין בתי-מדרשים. געווען אַן אויסגעצייכנטער מנגן, און דעריבער גע־וואָרן אַ משורר ביי אַ חזן.

קאָמפּאַניעץ הערט אים זינגען אין שול און נעמט אים אריין צו זיך אין טרופּע אַלס כאָריסט. נאָך אַ קורצער צייט נעמט אים גערמאַן אַריין אין דער „חברים-טרופּע“, וואו ב. באַטייליקט זיך אין אַ טורנעע איבער דער פּוילישער פּראָווינץ. שוין דאָ דערוועררבט ער זיך אַ נאָמען אַלס אויסגעצייכנטער קאָמיקער, און נאָכדעם ווי ער שפּילט אַ שטיקל צייט אין יוליוס אַדלערס וואַנדער־טרופּע איבער פּוילן, ווערט ער אַנגאַזשירט קיין לאָדזש אין זאַנדבערגס טרופּע. דאָ אין גרויסן טעאַטער אין לאָדזש ווערט ב. דער ליבלינג פון פּובליקום. זיינע קאָמישע טיפּן מאַכן אים פּאָפּולער איבער פּוילן און רוסלאַנד, און ערב דער מלחמה ווערט ער אַנגאַזשירט קיין ווילנע אין נחום ליפּאָווסקיס טרופּע.

אין דער קריגס-צייט ווערט ב. פאַרוואָגלט קיין כאַרבין, וואו ער שפּילט יידיש טעאַטער, און אין 1917 קומט ער קיין אַמעריקע. דאָ שפּילט ער אַ סעזאָן אין פילאַדעלפיע, שפּעטער אין באָסטאָן און שיקאַגאָ, און ענדלעך, נאָך געוויסע שוועריגקייטן, באַקומט ער די געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן פאַרן ניו־יאָרקער יידישן פּובליקום; ער

ווערט אַנגאַזשירט אין ליבערטי־טעאַטער אין בראָנזוויל, וואו ער באַוויזט אין משך פון 2 סעזאָנען זיך זייער באַליבט צו מאַכן.

אָבער עס פאַרבענקט זיך אים נאָך פּוילן, וואו ער האָט איבער־געלאָזט טויזנטער פאַרערער, און ער פאָרט אַהין גאַסטראָלירן. אויפן וועג שטעלט ער זיך אָפּ אין פּאַריז, וואו ער גיט אייניקע גאַסטראָלן, און דערנאָך שפּילט ער אַ קורצע צייט אין לאָדזש און וואַרשע, וואו דאָס פּובליקום איז אים האַרציק מקבל־פּנים.

צום טעאַטער־סעזאָן פאָרט ער צוריק קיין אַמעריקע, וואו ער איז ווידער אַנגאַזשירט אין בראָנזוויל, אָבער דאָ ווערט ער פּלוצלינג קראַנק, און דעם 23טן מערץ 1925, שטאַרבט ער פון אַ קרעבס.

די לויה איז געווען זייער אַן אימפּאָזאַנטע. ב. איז געקומען צו זיין אייביקער רו אויפן בית-החיים פון דער יידישער טעאַטריקל עליינס אין ניו-יאָרק.

ב. האָט איבערגעלאָזט אַ טאָכטער, גוירטי, וועלכע שפּילט אויף דער יידישער בינע.

מ. ע. פון פרוי בולמאַן.

בולקין, אברהם

געב. 31 אָקט. 1894 אין ווילנע, פּויליש-ליטע. פאָטער — אַ קירזשנער. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך אין אַ רוסישער פאָלקס שול. 1912-15 באַזוכט דעם יידישן לערער-אינסטיטוט. זייט 1916 לערער פון די יידיש-וועלטלעכע שולן אין ווילנע, געדרוקט אַרטיקלען, באַריכטן און נאָטיצן וועגן פאַרשיידענע שול-ענינים אויך א״פ א. יצחק, אברהמעלע, א. ב—ן. אַרויסגעגעבן אַ רייכע זאַמלונג פון פאָלקסטימלעך-יידישע און אַלגעמיינע קינדערשפּילן א״נ „רואיקע שפּילן“ (1921, זז. 64).

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, ז. 242.

בוקאַנסקי, מאַקס

[געב. 1848 — געשט. 1903]

געב. 1848 אין קאָוונע, ליטע. ביז בר-מצוה געלערנט אין חדרים, שפּעטער זיך באַקענט מיט אברהם מאַפּו, וועלכער איז אים מדריך אין השכלה און וועלטלעכער בילדונג, געווען 8 יאָר אַ שרייבער אין דער פּאָליציי, אַ בוכהאַלטער אין מאַגיסטראַט און אויך שרייבער פון קאָוונער שטאָט-ראַט. 1889 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער גיט זיך איינגאַנצן אָפּ צו ליטעראַרישער אַרבעט.

אין 1896 איז אויפגעפירט געוואָרן אין זיין איבערזעצונג דיומאַס „די קאַמעליען-דאַמע“.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, I, זז. 244-5.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II, (רשימה פון פּיעסן).

בוקסענבוים, יוסף

[געב. 1872 — געשט. . . . מאַי 1929]

געב. בערך 1872 אין קאַלאָמעא, גאַליציע, וואו ער האָט צוזאַמען מיט לייבל טויבעס און דר. ראָזענהעק אָנגעפירט מיט די ערשטע אַרבעטן פאַרן ציוניזם. פלעגט וואַנדערן אי־בער שטעט אַלס ציוניסטישער רעדנער, באַ־זונדערס פּאָפּולער אונטערן נאָמען „שטאַנדס אַדיוואָקאַט“.

אין דער יוגנט איז ב. געקומען קיין לעמ־בערג און דאָרט געוואָרן אַ פאָלקסזינגער על פּי רוב פון אליקום צונזערס לידער, דער־נאָך פלעגט ער שפּילן אַן איינאַקטער „דער משוגענער אין שפּי־

טאָל", און נאָך זיין חתונה מיט אַ מאַרשעלעקס אַ טאָכטער, איז ב. געוואָרן אַ ברחן, שפּעטער אַרומגעפאָרן מיט יידיש טעאַטער.

נאָך אַ געוויסער צייט וואַרפט ב. דאָס שפּילן, פאַרבינדט זיך מיט אַ באַנק אין לעמבערג, און אין קריגס-צייט באַזעצט ער זיך אין ווין, וואו ער ווערט אַן ערפאָלגרייכער אַגענט פון לעבנספאַרזיכערונג.

ב. איז געווען איינער פון די גרינדער פון יידישן אַקטיאָרן-פאַריין אין ווין און זיין ערשטער פּרעזידענט אין 1927.

מאַי 1929 איז ב. פּלוצלונג געשטאָרבן אין ווין.

מ. ע. פון סעם לודוויק.

אַדאָלף פּעט — יוסף באָקסענבוים ז"ל, „דער מאָרגען", לעמבערג, 7 מאַי, 1929.

בּוקשטיין, אברהם

געב. 1877 אין אַ דאָרף נעבן אָסטראָ, וואָלין. געלערנט אין חדר, אין בית-המדרש און אין דער טעלזער ישיבה. דערנאָך געוואָרן אַן עקסטערן אין ווילנע. צו 21 יאָר אָנגעקומען אין בערנער אוניווערזיטעט, וואו ער שטודירט נאַטורוויסנשאַפט און פילאָזאָפיע. 2 יאָר שפּעטער שטודירט אין לייפּציגער אוניווערזיטעט פּאָליטישע עקאָנאָמיע און ליטעראַטור. 1914 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, שטודירט עקאָנאָמיע, סטאַטיסטיק און סאָציאָלאָגיע אין ניו-יאָרקער אוניווערזיטעט און אין קאָלאַמביא אוניווערזיטעט. דאָ איז ב. אויך געוואָרן טעטיק אין דער יידישער פּרעסע, באַזונדערס אין „טאָג".

ב. האָט פאַרפאַסט איינציקע פּיעסן, פון וועלכע ס'זיינען אויפגעפירט געוואָרן „די צעבראָכענע געטער" (1914 דורך אַדלערן), „דר. ראַפּאַפּאָרט" (1915) און „מוטער און פרוי" (1916).

פון ב.'ס ניט-אויפגעפירטע פּיעסן איז אַ פראַגמענט פון זיין דראַמע „אייזגאַנג" א"נ „צאַקו" געדרוקט אין „מיניקעס בלעטער" (פּסח 1920).

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 246-7.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." II, ז. 214 און רשימה פון פּיעסן.

בּוראָוויק, קאַרל

[בצלאל]

געב. יולי 1873 אין דווינסק, לעטלאַנד. דער זיידע — אַ למדן, געהאַט סמיכות אויף רבנות. געלערנט אין גימנאַזיע אין וואַרשע און 3 יאָר אין פילאָזאָפישן פאַקולטעט אין ציריך.

שפּעטער געקומען קיין אַמעריקע, געווען דאָ אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיוו פון „בונד", געדרוקט לידער אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבן, און דערנאָך זיך אַריבערגעטראָגן קיין מעקסיקאָ, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט „די מכשפות", אַ פאַנטאַסטישע דראַמע אין 5 אַקטן, מעקסיקאָ, 1927 [60 ז. 16°], „בערלזאָן און שמערלזאָן אין מעקסיקא", אַ קאָמעדיע אין איין אַקט, [מעקסיקא 1929, 22 ז., 16°] און „מייזעל דער שרכן" אָדער „געקוילעט אָהן אַ מעסער", אַ טראַגי-קאָמעדיע אין 3 אַקטן, מעקסיקאָ, 1929 [43 ז. 16°].

ש. ע.

בּורשטיין, פּסח

געב. 15 אַפּריל, 1896, אין פּולטוסק, פּוילן. אין 1901 טראָגט זיך דער פאָטער אַריבער קיין בערדיאַנסק, וואו ער האָט אַ קראָם פון פאַרטיקע מלבושים. אין בערדיאַנסק ענדיקט ב. די שטאָטישע שול, און דאָרט זינגט ער אויך אין שול ביים חזן ביאַליק אַלס באַריטאָן, און פירט אויף מיט „ליבהאָבער" גאָלדפאַדענס „שולמית".

דער דיריגענט פון חזן, נאַאום פּאָדלובני, דערמוטיקט אים צו דער בינע און ב. גרינדעט אין 1913 אַ מיניאַטור-טעאַטער אין קאָנסטאַנטינאָווקע. די ערשטע פאָרשטעלונג האָט אַ גרויסן דורכפאַל צוליב וועלכן ב. געפינט זיך אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע. זיין פאָטער שיקט אים צו געלט אַהיימצופאָרן, אָבער ער פאַרנוצט דאָס געלט אויף צו פאָרן שפּילן טעאַטער אין פּאָלטאַווע.

עס ברעכט אויס די מלחמה און ב. הויבט אָן צוזאַמען מיט די אַרטיסטן קוסטין צו שפּילן יידיש מיניאַטור-טעאַטער אין לאָדזש, שפּעטער אין ווילנע און קאָוונער ליטע. אין דער דאָזיקער צייט שרייבט ער אויך אָן איינציקע קופּלעטן צו וועלכע ער פאַרפאַסט אויך אַליין די מעלאָדיעס. איינציקע פון די דאָזיקע קופּלעטן, ווי „אַ יאָלד אין אַ קאַפּעלוש", „דאָס פּאַסיקל" און „די זיבן טעכטער" זיינען אַ לענגערע צייט זייער פּאָפּולער.

נאָכן שפּילן איינציקע יאָר אין פאַרשיידענע מיניאַטור-טרופּעס ווערט ער אין 1924 אַנגאַזשירט דורך טאָמאַשעווסקין קיין אַמעריקע, און טרעט דאָ אויף אין די „פריילעכע שניידערלעך", אין וועלכע שילדקרויט שפּילט די הויפּט-ראָל.

אין 1925 שפּילט ער אין האָפּקינסאָן-טעאַטער אין בראָנזוויל, אין 1926 אין ליבערטי-טעאַטער אין בראָנזוויל, שפּעטער אין מעקינלי-טעאַטער אין בראָנקס, אין 1928-9 אין פּראָספּעקט-טעאַטער אין בראָנקס, און 1929-30 אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט-טעאַטער.

אין יאַנואַר 1927 ווערט ב. אָנגענומען אַלס מיטגליד אין דער יידישער אַקטיאָרן-יוניאָן.

אַמפּלואַ — פּאַט-קאָמיקער.

מ. ע.

בּורשטין, חייקעלע

געב. 12 יוני 1906 אין בוקאַרעסט, רומעניע, ביי עלטערן — יידישע אַקטיאָרן.

אַלס 5-יאָריק קינד אָנגעהויבן שפּילן אין אַ חברים-טרופּע אין אַנטווערפּן, און 3 יאָר שפּעטער אין פּאַוויליאָן-טעאַטער אין לאָנדאָן מיט מאָשקאָוויטש.

אין עלטער פון 16 יאָר שפּילט זי צום ערשטן מאָל „צילע" אין גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטע" צוזאַמען מיט לאָבעל אין לאָנדאָן.

פון 1922 ביז 1926 שפּילט זי אין פּאַריז ערשטע סובּרעטין-ראָלן און יוגנטלעכע דראַמאַטישע ראָלן.

ב. האָט אַליין און צוזאַמען מיט איר פאָטער געזונגען פיל יידישע לידער פאַרן גראַמאָפאָן.

אין 1927 האָט זי זיך, צוליב דער חתונה מיט אַ דאָקטאָר-מע-

דיקער, צוריקגעצויגן פון דער בינע, אָבער אין 1928 שפּילט זי ווידער אין דזש. קעסלערס טרופּע אין פּאַריז.

ש. ע.

בּורשטין, משה

געב. שבת נחמו (2 אויג.) 1884 אין אָדעס, אוקראַאינע. פאָטער — געווען קאַזיאָנער געהילף-ראַבינער אין אָדעס און איינער פון די ערשטע חובבי ציון.

אַלס קינד געלערנט אין דער אָדעסער תלמוד-תורה ביי מענדעלע מוכר ספרים, און אין עלטער פון 8 יאָר אָנגעהויבן זינגען סאָפּראַן ביים חזן סיראָטע, שפּעטער געזונגען אַלס משורר ביי פּיניע מינקאָווסקי, יאַנקעל סאַראַקער און וואָלאָדאָווסקי.

אין עלטער פון 18 יאָר געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע יידישע פאָלקס-זינגער אין דרום רוסלאַנד און בעסאַראַביע און גלייכצייטיק זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן מיט זעלבסט-בילדונג.

אין 1903-4 אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער אין ניקאָלאַיעוו אונטער דער דירעקציע פון קרויזע, דערנאָך אין בוקאַרעסט אין דער זשיגניצע ביי מרדכי סעגאַלעסקאָ און איציקל גאָלדענבערג, אויך געשפּילט מיט פיינמאַן.

אין 1912 אַנגאַזשירט געוואָרן פון דזש. קעסלער קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט געשפּילט מיט מאָשקאָוויטש.

פון 1914 ביז 1918 געשפּילט אין לאָנדאָן און איבער דער ענגלישער פּראָווינץ מיט פעני וואַקסמאַן, אין 1923 געווען בשותפות מיט נ. בלומענטאַל דירעקטאָר אין פּאַריז, אין 1925 געגרינדעט דאָס ערשטע יידישע פאָלקס-טעאַטער אין פּאַריז א"נ טעאַטער דע טאַמפּל, וואו ער ברענגט אַלס גאַסטראָלערן די אַקטיאָרן באַראַטאָוו, סניעגאָוו, זאַסלאַווסקי, סאַמבערג, אַפּעלבוים און פּאָמאַצקאַ.

אין 1926 געגרינדעט דאָס ערשטע יידישע רעווי-טעאַטער אין פּאַריז.

אין 1927 שפּילט ער ביי בלומענטאַל אין פּאַריז, און אין 1928 מיט אַ חברים-טרופּע אין דרום-אַפריקע.

ב. האָט אויך פיל נומערן געזונגען פאַרן גראַמאָפאָן.

ב.'ס טאָכטער, חייקעלע, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

ש. ע.

בּיאַלים, ראָזעטא

[ביאַלאַסטאָצקי]

געב. 28 נאָוו. 1896 אין ביאַליסטאָק, פּוילן. פאָטער — באַזיצער פון אַ שניט-קראָם. געלערנט אין חדר און אין אַ פאָלקס-שול. אין עלטער פון 8 יאָר געקומען צום פאָטער אין קליוולאַנד, אַמעריקע, וואו זי ענדיקט פּאָבליק-סקול. דאָ אַרבעט זי 3 יאָר אַלס אינסטרוקטאָר אין דער ניי-פירמע זינגער.

אויף אַ פאַרווייַלונג קומט איר אויס צו זינגען און דעקלאַמירן, און מען פאַרבעט זי באַלד אין אַ דראַמאַטישן-קלוב, וואו זי טרעט אויף אין רייזעס

„רעפּעטיציע". די אַקטיאָרן דוד באַראַץ, ווילי שוואַרץ און אסתר וואַקסמאַן נעמען זי דערנאָך מיט קיין קליוולאַנד און בעת אַ סכסוך מיט אַן אַקטריסע, באַקומט זי די מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן אַלס „עטי" אין גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאָ".

1912 ווערט ב. דורך סידני האַרט אַנגאַזשירט אויף אַ סעזאָן קיין קליוולאַנד, 1913 און 1914 שפּילט זי אין טאָראָנטאָ אַלס סוברעטין, 1915 און 1916 אין דעטראָיט, 1917-8 אין שיקאַגאָ, 1918-9 אין פילאַדעלפיע, 1919-21 אין שיקאַגאַ, סט. לואיס און סאַן פראַנציסקאָ. 1922 אין אַמפּיאָן-טעאַטער, ניו-יאָרק, מיט שאַכטן, 1923 אין ליריק-טעאַטער, 1924 אין דעטראָיט, 1927-8 אין מעקינלי-סקווער טעאַטער, בראָנקס, 1928-9 אין דעטראָיט און 1929-30 אין האָפּקינסאָן-טעאַטער אין ברוקלין.

אין די לעצטע יאָרן איז ב. איבערגעגאַנגען אויף דראַמאַטישע ראָלן, און געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן צוזאַמען מיט קעסלער, בלאַנק און זאַץ.

מ. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע, „מאָ"זש", נ. י. 28 אָקט. 1927.

בּיאַלקאָוויטש, חנה

[ראָזענצווייג]

געב. 26 פעב. 1884 אין וואַרשע, פּוילן, ביי בעל-הביתישע עלטערן. אַלס בת-יחידה לאָזט מען זי לערנען אין שול ביז 16 יאָר, דערנאָך נעמט זי אַרבעטן ביי אַ הוט-פּוצערין. דאָרט הערט זי זינגען דר. ראָזענזאַל, וועלכער גרינדעט דאַמאָלט צוזאַמען מיט מאַרק אַרנשטיין אַ טרופּע און ער נעמט זי אַריין אַלס כאָריסטקע. פון דאָרט גייט ב. איבער אין קאַמפּאַנעיעצס טרופּע, וואו זי הויבט אָן שפּילן ראָלן, דערנאָך פאָרט זי אַרויס מיט פישזאָנס טרופּע, דאַן שפּילט זי ביי זאַנדבערגן אין לאָדזש, ביי סעם אַדלער, קאַמינסקי, און פאָרט אַרום מיט פאַרשיידענע טרופּעס איבער פּוילן און רוסלאַנד. זייט 1921 פאָרט זי אַרום מיט איר מאַן איבער פּוילן.

איר טאָכטער שפּילט אויף דער יידישער בינע אין אַרגענטינע.

ש. ע. פון ישראל ביאַלקאָוויטש.

בּיאַלקאָוויטש, ישראל

געב. 15 מערץ 1890 אין לאָדזש, פּוילן. פאָטער — אַ סופר. ביז 15 יאָר געלערנט אין חדר, שפּעטער געאַרבעט ביי אַ וועבער. אין דער פרייער צייט באַזוכט ב. אָפט דאָס יידישע טעאַטער, און פאַרקערט אין „ליבהאָבער"-קרייזען ביז ער גרינדעט אַליין אַ קרייז מיטן אַקטיאָר טיטעלמאַן אַלס רעזשיסער, און דעם 20 יולי 1909 אָרדענט ער איין אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער אַ פאָרשטעלונג, אויף וועלכער ער טרעט אַרויס צום ערשטן מאָל, דערנאָך פאָרט ער מיט דעם קרייז אָפט אַרום איבער דער פּראָווינץ.

1911 פאָרט ב. אָפּ קיין רוסלאַנד אין דער טרופּע שאַראַוונער-וויסבלאַט (מיכאַלעסקאָ), דאַן גייט ער איבער אין דער טרופּע

לאַנצמאַן מיט וועלכער ער מאַכט אַ טורנעע איבער רוסלאַנד. 1914 שפּילט ער אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער ביי יוליוס אַדלער-סיראַצקי, און נאָכן שפּילן ביז 1921 אין פאַרשיידענע טרופּעס אין פּוילן און רוסלאַנד ווערט ער דער איניציאַטאָר פון פאַרשיידענע טרופּעס מיט וועלכע ער שפּילט איבער פּוילן.

אמפּלוא — כאַראַקטער-ראַליסט.

ש. ע.

בידאַ, העלען

געב. 1897 אין טשענסטאָכאָוו, פּוילן. די פאַמיליע טראָגט זיך איבער קיין לאָנדאָן און דאָרט טרעט ב. אַריין אין כאָר פון יידישן טעאַטער. איר ערשטע ראָל איז „צינעלע" אין זאָלאָטאַרעווסקיס „ישיבה-בחור" בעת די גאַסטראָלן פון זילבערטן. ב. ווערט דאַן אַנגאַזשירט קיין פּאַריז צו אַקסעלראָדן, וואו זי האָט די געלעגנהייט צו שפּילן מיטן גאַסטראָלירנדיקן יעקב ליבערט. פון פּאַריז פאָרט ב. אָפּ קיין אַמעריקע, וואו זי האָט איין סעזאָן געשפּילט ביי יאָזעף שיינגאָלד אין לירּיק-טעאַטער, ברוקלין, און די איבעריקע צייט אין דער פּראָווינץ, אַרויסטרעטנדיק אין שיקאַגאָ אַלס „מייטע" אין הירשביינס „פּוסטע קרעטשמע" מיט בן-עמי. 1928-9 האָט ב. געשפּילט אין באָסטאָן, 1929-30 — אין נוארק ביי עלווינג.

ש. ע.

בידעסקאָ, אַלעקסאַנדער

[וואַנדערגאָלד]

געב. בערך 1878 אין קאָנסטאַנצאַ, רומעניע, ביי פּראָוואָסלאַוונע עלטערן. געקומען קיין רוסלאַנד מיטן דירעקטאָר פון אַ רומענישער טרופּע באַבעסקאָ. צוליב דעם וואָס עס האָט אויסגעפעלט אַ זינגערין, האָט דער יידישער טעאַטער-דירעקטאָר בראַנשטיין אַריינגענומען בידעסקאָס פרוי כריסטעסקאָ (אויך אַ פּראָוואָסלאַוונע) אין דער יידישער טרופּע אַלס פּרימאַדאָנע, און ב. וועלכער האָט געקענט דייטש, טרעט אויך אַריין אין דער טרופּע. ערשט אין דער טרופּע פון קרוויזע, וועלכע מאַכט אַ טורנעע איבער רומעניע, הויבט ב. אָן שפּילן יידיש, דערנאָך פאָרט ער אַרום אַלס רעזשיסאָר מיט טיטעלמאַן, סעם אַדלער, פירט אַ שטיקל צייט אַ טורפּע מיט משה ליפּמאַן און דערנאָך שפּילט ער אין אַנדערע טרופּעס ביז ער איז זיך מגייר און פירט דערנאָך אָן מיט אַן אייגענער יידישער טרופּע אין קרים.

מ. ע. פון יעקב וואַקסמאַן און ש. ע. פון מ. גאָלדבלאַט.

יעקב וואַקסמאַן—קריסטן אויף דער יידישער בינע, „טעאַטער זכרונות" (רעד. ז. זילבערצווייג), ווילנע 1928, זז. 90-92.

בידערמאַן, איטשע וו.

געב. 23 יולי 1892 אין גראַבעוועץ, לובלינער גוב., פּוילן, אַלס זון פון אַ טריסקער חסיד. געוווינט אין וואַרשע אַ שיק-יונגל אין אַ בלומענגעשעפט, און ווען אַרנשטיין פירט אויף מיט „ליבהאָבער" פּינסקיס „אייזיק שעפטעל", איז ב. סופלער. אַזוי סופלירט ער אויך אין דער סטודיע, וואָס פּרץ און דוד הערמאַן גרינדן, שפּעטער שפּילט ער מיט „ליבהאָבער" אין אַ שטאָל אין מאָקאָטאָוו, וואַרשע.

אין 1912 איז ב. מיט דער פאַמיליע געקומען אין אַמעריקע, דאָ געאַרבעט ביי פאַרשיידענע מלאכות ביז ער פאָרט קיין סינסינעטי, וואו ער ווערט אַ קאַלכער און טאַפּעטנקלעפּער, און גרינדעט אַ דראַמאַטיש קלוב, וועלכער שפּילט אַ גאַנצן ווינטער יעדן שבת צו נאַכט. אין 1914 פירט אויף דער קלוב ב.'ס איינאַקטער „וואָס איז גליק?" דערנאָך טרעט ב. אַריין אין אַ טרופּע (פרוי ווייזנפריינד, בערנאַרדי און פרוי, דוד מייעראָוויטש און אהרן פּסאַכיעס), וואָס שפּילט אין סינסינעטי „אַרבעל-פּראַזע", דרוקט סקיצן און הומאָרעסקן אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבן, פאַרעפנטלעכט אַ דראַמע „שפּענער" (דראַמע אין 4 אַקטן, פאַרלאַג „טעאַטער-שפּיל", ניו-יאָרק, 1924) [64 ז. 16°], מיט אַ פאָרוואָרט פון א. אַלמי, די איינאַקטערס „זי און ער" (אין זעצערס „דאָס וואָרט") „פּרינץ" („דער פּיאָנער", 1, 1925) און „דער מענטש" (אַלעגאָריש שפּיל, אין דער יובילײ-אויסגאַבע פון „די פּרעסע", 1928).

ב. האָט אויך אָנגעשריבן אַ דראַמע „אויפן הימל אַ יריד", וועלכע געפינט זיך אין דרוק.

מ. ע.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, ז. 258.

א. וו. בידערמאַן — צום צענטן יאָרצייט פון י. ל. פּרץ, „די פעדער" נ. י., מאַי, 1925.

יצחק צבי — רעצענזיעס „ליט"בל", 35, 1925.

ביי, סאָפיאַ

געבוירן 1901 אין קאַלאַראַש, בעסאַראַביע. אין 1907 געקומען אין אַרגענטינע און אין 1912 אָנגעהויבן שפּילן קינדער-ראָלן אין מ. ד. וואַקסמאַנס טרופּע, שפּעטער איבערגעגאַנגען צו דערוואַקסענע ראָלן און געשפּילט מיט די גוטענטאַגס, מאַריענהאָף, לאַגער, גאָלדענבורג, מאַשקאָוויטש, לאַבעל, טאָמאַשעווסקי, סיידי שיינגאָלד, באַראַץ און יאָזעף שערמאַן.

ש. ע.

בּייגעלמאַן, דוד

געב. אין מערץ 1887 אין אָסטראָווצע, ראַדאָמער גוב., פּוילן. פֿאָטער — אַ מוזיקער. ביז 15 יאָר געלערנט אין אַ ישיבה און אין אַ שול אין אָסטראָווצע. שטודירט מוזיק און אין 1905 אָנגעהויבן שפּילן אין טעאַטער-אָרקעסטערס. אין 1912 געוואָרן דיריגענט פֿון לאָדזשער יידישן טעאַטער.

אין דער קריגס-צייט גענומען שרייבן קאָמפּאָזיציעס, און אויסער אַראַנזשירונגען פֿון אַ סך יידישע אָפּערעטן, און איינצלנע מוזיק-נומערן, געשריבן מוזיק פֿאַר יוליוס אַדלערס אָפּערעטן „דאָס סקויטן-מיידל“, „די מומע גנענדיל“ און „די שיינע בערטאַ“, וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרן אין לאָדזש.

ב. האָט אַראַנזשירט די מוזיק צו אַנסקיס „דבוק“ (בעת הערמאַנס אויפֿפֿירונג אין לאָדזש) און עס אַרויסגעגעבן אין אַ באַזונדער ביכל.

אין 1926 איז ב. אַרומגעפֿאָרן אַלס דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר מיט אַ יידישער טרופּע איבער מזרח-אַפֿריקע, אַרגענטינע און בראַזיליע.

זייט 1928 איז ב. געוואָרן דער קאָמפּאָזיטאָר פֿון דער קליינקונסט-בינע „אררט“ אין לאָדזש, פֿאַר וועלכער ער האָט געשריבן 9 פּראָגראַמען.

זייט 1929 איז ב. מיטדירעקטאָר פֿון דאָזיקן טעאַטער.

מ. ע.

בּיילין, אשר

געב. 21 פֿעברואַר 1881 אין קיעוו, אוקראַאינע. פֿאָטער — אַ העבּרעאישער לערער, מחבר פֿון אייניקע השכּלה-ספֿרים און מיטאַרבעטער פֿון דער העבּרעאישער פּרעסע, האָט אין אים איינגעפֿלאַנצט אַ ליבע צו ליטעראַטור און תּנ״ך. אייניקע יאָר געווען סעקרעטאַר ביי שלום-עליכם, דערנאָך אויסגעהאַלטן עקזאַמען אַלס לערער, שטודירט אין שווייץ, זיך לסוף באַזעצט אין לאָנדאָן, און פֿון דאָרט דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין „הצופה“. זייט דאַן געבליבן ביי ליטעראַרישע און זשורנאַליסטישע אַרבעטן. ב. האָט אַ חוץ פֿיל אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער אויך אָנגעשריבן אַ 4-אַקטיקע מלחמה-דראַמע „פּאַספּאָרטן“, וועלכע איז אין 1917 אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין לאָנדאָנער יידישן פּאַוויליאָן-טעאַטער.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 2-261.

בּיין, כּייקעל

[געב. . . . . — געשט. . . . נאָוו. 1882]

ב. איז די ערשטע צייט געווען פֿינאַנסירער פֿון יידישע טרופּעס, דערנאָך געוואָרן פֿאַרוואַלטער פֿון ישׂראל ראָזענבערגס טרופּע איבער רוסלאַנד.

ב. איז אין נאָוועמבער 1882 געשטאָרבן אין ריגע.

דזשייקאָב פּ. אַדלער — „מיין לעבען“, „די נייע וואַרהייט“, נ. י. 15, 18, 21 מערץ 1925.

בּילדער, יעקב

אין די ניינציקער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט געווען פֿאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע אַלס איבערזעצער און באַאַרבעטער פֿון פּיעסן.

משה זייפֿערט גיט אָן, אַז עס זיינען געשפּילט געוואָרן אין ב.׳ס איבערזעצונג פֿאָלגנדע פּיעסן: „די היימאַט“ פֿון זודערמאַן (1892), „נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע“, „דער שטורמווינד“, „ווירדזשיניוס“, „פֿויסט“.

דעם 12 יאַנ. 1894 איז אין טאַליאַ-טעאַטער אויפֿגעפֿירט געוואָרן ב.׳ס [?] פּיעסע „דער אַקטיאָר“.

בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט וועגן אַן אויפֿפֿירונג (1897) פֿון דער אָפּערעטע „אַנטיגנוס דער העלד“ (לויט ב. גאָרין אויך גערופֿן „דאָס באַפֿרייטע ירושלים“), וועלכע ב. האָט פֿריי באַאַרבעט, און פֿון זיין [?] פּיעסע „דער קאַפּיטאַליסט“ (1897).

אין דער ניו-יאָרקער „אַרבעטער-צייטונג“ (40, 1894) ווערט אַנאָנסירט די אויפֿפֿירונג פֿון ב.׳ס פּיעסע „פֿאָטער און טאָכטער“, און ס׳ווערט באַמערקט, אַז דאָס איז אַ באַאַרבעטונג פֿון זודערמאַנס „היימאַט“.

אין 1903 איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן ב.׳ס אָפּערעטע „די סיגאַרעטן-מאַכערין“ (אַן איבערזעצונג פֿון „קאַרמען“).

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II, ז. 64.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II (רשימה פֿון פּיעסן).

חנן י. מיניקעס — „דיא אידישע ביהנע“, ניו-יאָרק 1897 (משה זייפֿערטס „טעאַטער-געשיכטע“).

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס געשיכטע“, ניו-יאָרק, 1916, זז. 242, 249.

שלום פּערלמוטער — אידישע דראַמאַטורגען, „די אידישע וועלט“, קליוולאַנד, 23 דעצ., 1928.

בּימקאָ, פֿישל

געב. 28 דעצ. 1890 אין קעלץ, פּוילן, אין אַן אַלטער חסידיש-רבּישער פֿאַמיליע פֿון סוחרים. געלערנט אין חדר און בית-המדרש. פֿאַר באַטייליקן זיך אין דער פֿרייהייטס-באַוועגונג געווען אין 1905 אַרעסטירט זעקס חדשים. 1909 געלעבט אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט אין קראַקע, דערנאָך צוריקגעקומען אין קעלץ, וואו ער פֿאַרנעמט זיך מיט מסחר און איז אַ יאָר סופֿלער אין הערשקאָוויטשס טרופּע אין לובלין.

אין 1909 דעביוטירט אין „לאָדזער טאַגעבלאַט“ מיט אַ דערציילונג, און אין 1912 אַרויסגעגעבן אַ דערציילונג „די ערוה“ (אייגענער פֿ״ג, לאָדז, 31 ז.).

דעביוטירט אַלס דראַמאַטורג מיט דער דראַמע „אויפֿן ווײַסל“, אויפֿגעפֿירט דעם 28טן פֿעברואַר, 1914 אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער דורך יוליוס אַדלער („אויפ׳ן ברעג ווייסעל“, דראַמע אין 3 אַקטען, פֿ״ג די צייט, וואַרשע 1921. 124 ז. 16°). אין 1922 ווערט די זעלבע פּיעסע אין אַ באַאַרבעטונג אויפֿגעפֿירט דורך יאָזעף שיינגאָלד און דערנאָך דורך שוואַרץ א״נ „דעמבעס“.

אין 1919 ווערט דורך דער „ווילנער טרופּע“ אויפֿגעפֿירט ז׳ן דראַמע „גנבים“ („גנבים“ דראַמע אין 3 אַקטען. צוגעגעבן אַ ווערטער-פֿערצייכניש פֿון דער גנבים-שפּראַך. פֿ״ג „די צייט“, וואַרשא, 1919, 62 ז. 16°), וועלכע ווערט דערנאָך געשפּילט דורך שוואַרץ (10 אַפּריל, 1922) אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער און אין די יידישע טעאַטערס אין פֿאַרשיידענע לענדער.

די פּיעסע איז אויך געשפּילט געוואָרן אויף העבּרעאיש אין ארץ-ישׂראל.

אין 1919 דערשיינען אין וואַרשעווער פֿאַרלאַג פֿון א. גיטלין פֿאָלגענדיקע ב.׳ס דראַמאַטישע ווערק: „משה דרעהקאָפּ“, סצענישער

מאַנאָלאָג, 14 ז. 16°; „ס'לעצטע וואָרט", סצענישער מאָנאָלאָג, 15 ז. 16°; „קוידער וועלט", קאָמעדיע אין 1 אַקט, 33 ז. 16°, און אין 1920 „די אינטריגע", טראַגי-קאָמעדיע אין 3 אַקטן, 55 ז. 16°.

1921 באַזעצט זיך ב. אין אַמעריקע, וואו ער ווערט אַ קאָמאַשן-שטעפער, ווידמענדיק זיין פרייע צייט דער ליטעראַטור, באַזונדערס דער דראַמע.

דאָ פאַרעפנטלעכט ער „צווישן זיי און אונז", דראַמע אין 4 אַקטן („פרייע ארבעטער שטימע", 1923), „אונזערע אידן", דראַמע אין 3 אַקטן („אינזל", 4, 3, 1926). אין 1922 ווערט דורך דער „פרייער יידישער פאָלקס-בינע" (רעזש. י. פישמאַן) אויפגעפירט ב.'ס פיעסע „פאַרזונקענע וועלטן", טראַגעדיע אין 3 אַקטן.

דעם 27 נאָוו. 1922 ווערט אין אירווינג פּליים טעאַטער אויפגעפירט ב.'ס קאָמעדיע „פּעטער, מען קען אייך!" און דאַן ווערט דורך זאַין אויפגעפירט אין זעלבן טעאַטער ב.'ס קאָמעדיע „אַמעריקע גנב".

ב. האָט אין מאַנוסקריפּט נאָך פאָלגנדיקע ניט אויפגעפירטע פּיעסן: „מאַרך-ביינער", טראַגעדיע אין 3 אַקטן, „מויערן", דראַמע אין 3 אַקטן, „אָפּגאַנג", מיסטעריע און די איינאַקטערס „איינער, וואָס איז ניט אַליין" און „אַ מלוה מלכה-שפּיל", געשריבן פאַר דער „הבימה".

מ. ע.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 270-2.
מיכאל ווייכערט — „טעאַטער און דראַמע", I. זז. 122-8.
דר. ל. זשיטניצקי — פּ. בימקאָס „דעמבעס", „די פּרעסע", ב. א., 28 אַפּריל, 1929.

ביעלאַווסקי, גליקא

[דעגענשטיין]

געב. 6 מאַי, 1891, אין זשיכלין, פּוילן. עלטערן — אַנגראָ-סוחרים. זי ענדיקט פאָלקס-שול, דערנאָך אַ פּראָגימנאַזיום אין וואַרשע.

נאָך אַלס קינד פלעגט זי זיך אין שול אויסצייכענען אַלס דעקלאַמאַטאָרקע, און ווען זי זעט אין 1907 אַ יידישע פאָרשטעלונג אין קוטנע, אין וועלכער ס'באַטייליקט זיך אויך מאַרים ביעלאַווסקי, דערפילט זי אַ שטאַרקן חשק צו דער בינע, און איז מסכים צו ב.'ס פאָרשלאַג צו פאָרן קיין סקאַנדינאַוויע, וואו זיי האָבן חתונה, און שפּילן שפּעטער אין דענמאַרק יידיש טעאַטער מיט ליבהאָבער (דערנאָך מיט פּראָפעסיאָנעלע). זי גאַסטראָלירט אויך אָפט מיט יידיש טעאַטער אין שוועדן און נאָרוועגן.

אין קאָפּענהאַגן באַזוכט זי דראַמאַטישע קורסן, אין 1920 שפּילט זי אויף דעניש אין קאַזינאָ-טעאַטער, און באַטייליקט זיך פיל מאָל אין פילם-בילדער אין דער „נאָרדיש-פילם-קאָמפּאַני".

אין אָקטאָבער 1921 קומט זי אין אַמעריקע, וואו זי שפּילט פון צייט צו צייט.

מ. ע.

ביעלאַווסקי, מאַרים

געב. 27 דעצ., 1881, אין קוטנע, פּוילן. עלטערן — סוחרים. געלערנט אין חדר און ישיבה אין קוטנע און וולאָצלאַוועק, אין דער שטאַטישער שול און פּריוואַט ביי לערער.

אין חדר נאָך פלעגט ער זיך פאַרשטעלן און שפּילן אַלס „דוד", „גלית", „שאול", וועלכע ער פלעגט נאָכמאַכן זיין פאָטער, וועלכער איז אויסער סוחר געווען אַ שדכן און פלעגט אויך פּורים זיך פאַרשטעלן.

אין עלטער פון 15 יאָר געשפּילט אין קוטנע מיט ליבהאָבער די ראָל „אליעזר" אין „די יידין". אין עלטער פון 16 יאָר האָט אים אַ מומע מיטגענומען קיין לאָנדאָן, און דאָרט טרעט ער אַריין אין סעמיועל גאָלדענבורגס דראַמאַטישן קלאַב, פון דאָרט פאָרט ער קיין פּאַריז, און ווידער צוריק קיין לאָנדאָן, שפּילנדיק שוין יידיש טעאַטער מיט פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן.

אין 1907 קומט ער צוריק קיין פּוילן, און טרעט אַריין אין אַ פּראָפעסיאָנעלער טרופּע. דאָ באַקענט ער זיך מיט גליקע דעגענשטיין, און אַזוי ווי אַלס בונדיסט מוז ער פאַרלאָזן פּוילן, פאָרן זיי צוזאַמען קיין דענמאַרק.

אין קאָפּענהאַגן גרינדעט ער אַ דראַמאַטישן פאַריין מיט ליבהאָבער, פון וועלכע עס אַנטוויקלען זיך שפּעטער אייניקע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, און ב. שפּילט מיט זיי צום ערשטן מאָל אין דענמאַרק גאָרדינען, אַש, הירשביינען און אַנדערע יידישע דראַמאַטורגן. ער גאַסטראָלירט אויך צום ערשטן מאָל מיט יידיש טעאַטער אין שוועדן און נאָרוועגן.

אין קאָפּענהאַגן לערנט ער אין דער „קיניגלעך דראַמאַטישע שול" אונטער דער פירונג פון טאָרקלאַד ראָזאַ, און שפּילט דערנאָך אַ געוויסע צייט אויף דעניש אין דאַגמאַ-טעאַטער. ער באַטייליקט זיך אויך אין אייניקע פילם-בילדער פון דער „נאָרדיש-פילם-קאָמפּאַני".

אין אָקטאָבער 1921 קומט ער אין אַמעריקע. אין ניו-יאָרק טרעט ער אויף אין אייניקע טעאַטערס, דערנאָך שפּילט ער אויף דער פּראָווינץ, אַ סעזאָן אין וויניפּעג און טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, און זייט 1925 ביז 1928 שפּילט ער און איז סטיידזש-מענעדזשער אין אירווינג-פּלייס-טעאַטער, 1929-30 — אין זאַמס פאָלקס-טעאַטער.

מ. ע.

ביקעלס-שפּיצער, צבי דר.

[געב. 23 אַפּריל 1887 — געשט. 2 יאַנ. 1917]

געבוירן 23 אַפּריל 1887 אין לעמבערג, גאַליציע. פאָטער — באַזיצער פון אַ שפּייז-קראָם, שטאַמט פון דער אנגעזעענער פּראָפעסאָרן- און משכילים-פאַמיליע ביקעלס.

געלערנט אין חדר און אין פאָלקס-שול, ענדיקט ב. 1906 די גימנאַזיע און 1911 ווערט ער דאָקטאָר-יורי (אַדוואָקאַט) אין לעמבערגער אוניווערזיטעט, וואו ער האָט גלייכצייטיק שטודירט ליטעראַטור-געשיכטע און דראַמאַטורגיע.

אַלס מיטגליד פונם ציוניסטישן סטודענטן-קרייז „השחר", וועלכער שטייט אונטער דער השגחה פון שלמה שילער, דר. י. טהאָן און אַדאָלף שטאַנד, ווערט ב. אַ פלייסיקער תלמיד פון די דאָרטיקע קורסן פאַר „יודאאיקא", באַקענט זיך גרינטלעך מיט דער יידישער געשיכטע און באַהערשט די העבראישע שפּראַך אין וואָרט און שריפט. אָבער אין קעגנזאַץ צו זיינע פּאַרטיי-חברים האַלט ער, אַז מען טאָר ניט פאַרנאַכלעסיקן די קולטור-אַרבעט פאַר די

מאַסן אין „גלות“, און ווערט איינער פון די ערשטע פאַרקעמפער פאַר יידיש אין גאַליציע.

ענערגיש און קאָנסעקווענט אין זיינע באַשלוסן, פאַרנאַכלעסיקט ב. כמעט אינגאַנצן זיין ליטעראַרישע אַרבעט אויף פּויליש (אין די פּויליש-יידישע צייטשריפטן פון די דאַמאָלטיקע סטודענטן-קרייזן) און ווידמעט זיך דער קריטיק און פּובליציסטיק אויף יידיש, צוגרייטנדיק אַ פעלד פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין גאַליציע. אַלס מיטאַרבעטער פון „דאָס אידישע וואָכענבלאַט“, „דאָס נייע לעבען“ (ניו יאָרק) און פון „דער פריינד“, אַנטפּלעקט ער פאַר דער יידישער ליטעראַטור די אַרבעטן פון די יונגע גאַליצישע שרייבער און ווערט אַזוי אַרום [לויט דר. א. קליינמאַן] „דער העראַלד פון דער יונג-יידישער ליטעראַטור אין גאַליציע“.

ב. באַטייליקט זיך כמעט אין אַלע צייטשריפטן און אויסגאַבן פון דאַמאָלטיקן ליטעראַרישן גאַליציע („דער יודישער אַרבייטער“, לעמבערג, „דער טאָג“, קראַקע, אין ג. באַדערס און אין מ. פּראָסטיגס „קאַלענדאַר“ א. א.), רעדאַקטירט 1910, צוזאַמען מיט ג. באַדער און י. מעסטעל, די זאַמלשריפט „יונג-גאַליצישער אַלמאַנאַך“ און 1915 ווערט ער שעף-רעדאַקטאָר פון לעמבערגער „טאָגבלאַט“, אין וועלכן ער האָט שוין פריער מיטגעאַרבעט אַלס ליטעראַטור- און טעאַטער-קריטיקער.

נאָך אין גימנאַזיע האָט ב. אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישן קרייז פון סטודענטן, אין וועלכן ער האָט אַליין רעזשיסירט און מיטגעשפּילט אויף פּויליש, ס׳רוב אין איינאַקטערס אויף יידיש-נאַציאָנאַליסטישע טעמעס. אויס ליבע צום טעאַטער וויל ב. וואַרפן זיין שטודיום און ווערן אַ שוישפּילער, ווערט אַפילו אַ סטודענט אין דער דראַמשולע ביים פּוילישן שטאַט-טעאַטער אין לעמבערג, אָבער צוליב זיין קליינעם וואוקס מוז ער דאָס אויפגעבן און ווידמעט זיך זייט דאַמאָלט קודם כל דער יידישער טעאַטער-קריטיק.

ב. האָט געחלומט וועגן אַ גרויסער יידישער קינסטלער-בינע, וועלכע ער האָט געהאָפט צו גרינדן אויף געזעלשאַפטלעכע יסודות. כדי זיך צוגרייטן פאַר אַזאַ אונטערנעמונג, האָט ער, צוזאַמען מיט י. מעסטעל, אין 1913 געמאַכט אַ שטודיום-רייזע איבער די טעאַטערס פון עסטרייך און דייטשלאַנד און געזאָלט צוליב דעמזעלבן צוועק באַזוכן פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקע. די מלחמה האָט זיינע פּלענער צונישט געמאַכט.

צווישן דער גרויסער צאָל פון ב.׳ס קריטיקן און אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישן טעאַטער געפינט זיך אַ גרעסערע אַרבעט איבער דעם גאָרדין-רעפּערטואַר, וועלכע איז געווען געדרוקט אין פאַרשיידענע גאַליצישע און אויסלענדישע אויסגאַבעס.

דר. אַנזעלם קליינמאַן כאַראַקטעריזירט ב.׳ס טעטיקייט אַלס קריטיקער אַזוי: „...צבי ביקעלס-שפּיצער האָט באַטראָטן דאָס פעלד פון קריטיש-שעפערישער אַרבעט... איידער ער האָט זיך גענומען צו דעם שווערן באַרוף, האָט ער געטראַכט זיך טעאָרעטיש צו פאַרטיפן אין דעם ענין, שטודירנדיק אַ לענגערע צייט אין די גרויסע אוניווערזיטעט-ביבליאָטעקן אין לעמבערג און אין ווין, און פאַרטיפנדיק זיך מיט דעם פלייס פון אַ בין אין די שעפּונגען פון דעמיעניקן דיכטער, וועלכער האָט געזאָלט קומען אונטער דעם סעציר-מעסער פון זיין קריטישן גייסט. זיין ליבלינגס-דיכטער פון דער אַלוועלטלעכער יידישער ליטעראַטור, וועלכן ער האָט זיך איבערגעבן מיט אָפּגאָטישער ליבע און פאַרערונג, איז געווען י. ל. פּרץ און פון אונזער יונג-גאַליצישן ליטעראַרישן וועלטל האָט ער מיט באַזונדערער וואַרעמקייט זיך אָנגענומען פאַר יעקב מעסטעל, וועלכן ער האָט שטאַרק באַאיינפלוסט... צבי ביקעלס-שפּיצער איז געווען איינער פון די באַרופנסטע קריטיקער פון דעם יידישן טעאַטער אין דער יידיש-דראַמאַטישער ליטעראַטור. דאָס ערלעכע באַשטרעבן צו אייראָפּעאיזירן דאָס יידישע טעאַטער און דעם יידישן שוישפּילער, צו פאַרטיידיקן דעם אַזויגערופענעם אַמעריקאַניזם פון דער יידישער בינע, זיין רצון און וואונטש צו זען די יידישע דראַמע אויף אַ הויכער מדרגה פון ליטעראַטור און קולטור, האָבן אים געדריקט די פּען אין דער האַנט, מיט וועלכער ער האָט ערלעך און אויפריכטיק אויפגעדעקט חטאים און געלויבט די מעלות פון דיכטער און פאָרשטעלער. ניט נאָר מיט דער פּען האָט ער העלפנדיק צוגעגריפן. ער האָט אויך זייער אָפט פּערזענלעך אויסגעאיבט זיין איינפלוס אויף דער יידישער שוישפּילער-וועלט. און ווען עס האָט באַדאַרפט אַ נייע שטיק קומען אויף די ברעטער פון דער יידישער בינע, האָט ער ניט געזשאַלעוועט קיין כח און צייט ביי פּראָבעס אַרויסצוזאָגן זיינע דעות און צו געבן פּאָזיטיווע עצות“.

דעם 2 יאַנואַר 1917 איז ב. געשטאָרבן נאָך אַן אָפּעראַציע אין אַ שפּיטאָל אין לעמבערג. די לויה איז איינגעאָרדנט געוואָרן אויפן חשבון פון דער לעמבערגער קולטוס-געמיינדע און אַ סך אָרגאַניזאַציעס איבערן לאַנד האָבן אָפּגעהאַלטן אַ 4-וועכנטלעכן טרויער.

צווישן ב.׳ס איבערגעבליבענע מאַנוסקריפּטן געפינען זיך איניקע דראַמעס, צווישן זיי די 3-אַקטיקע דראַמע „דער גואל“ (אויף דער טעמע פון דער רמ״בם-לעגענדע וועגן באַשאַפן אַן אייביקן מענטשן). די דראַמע, איבערזעצט אין דייטש, האָט געזאָלט אויפגעפירט ווערן ביי ריינהאַרדן, אָבער צוליב דעם אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה איז די אויפפירונג ניט צושטאַנדגעקומען.

דער יידישער מאַנוסקריפּט פון „דער גואל“ געפינט זיך ביי י. מעסטעל.

ש. ע. פון י. מעסטעל.

דר. א. קליינמאַן — צבי ביקעלס-שפּיצער, „ט״בל“, לעמבערג, י״ב טבת תרע״ו.

א. טענענבלאַט — דר. צבי ביקעלס, „ט״בל“, לעמב., 4 יאַנ. 1917.

דר. מ. גייער — דעם געטרייען קעמפער, „ט״בל“, לעמב. 8 יאַנ. 1917.

י. מ. קאַמילא [י. מעסטעל] זכרונות, „ט״בל“, לעמב. יאַנ.-פעב. 1917.

בירנבוים, ישראל

[ישראל-איסר באַרנבוים]

געב. 19 יוני 1897 אין ביאַליסטאָק, פּויליש-ליטע. פאָטער — אַ פאַרמעגלעכער באַזיצער פון אַ פּאַפּיר-געשעפט, איז אין זיין יוגנט געווען אַ „ליבהאָבער“. געלערנט אין אַ חדר, פאָלקס-שול און געענדיקט די רוסישע גימנאַזיע פון אַלעקסאַנדראָוו. אָנגעהויבן אַלס „ליבהאָבער“ אין דער געזעלשאַפט „יידישע קונסט“ אונטער דער אָנפירונג פון יעקב פּאַט, געלערנט זינגען ביים דיריגענט פון דער זעלבער געזעלשאַפט, פּסח קאַפּלאַן. אין דער קריגס-צייט אַלס פּראָפעסיאָנאַל געשפּילט איניקע מאָל ביים אַקטיאָר יאַקובאָוויטש, אַרומגעפאָרן מיט אַ דייטשער אָפּערעטן-טרופּע, און אין 1918 אַריינגעטראָטן אין דער דראַמאַטישער טרופּע פון ל. סאָקאָלאָוו, דערנאָך, פון 1920-1927 געשפּילט אין ריגע, וואו ער איז איין סעזאָן געווען דירעקטאָר צוזאַמען מיט איינעם, און אויך רעזשיסער פון דער טרופּע. אין ריגע באַטייליקט זיך אויך ב. פון צייט צו צייט אין דייטשע און רוסישע אָפּערעטן און דראַמע-פאָרשטעלונגען און אין פילם „די רייזע מיט שטערונגען“, 1927-8 שפּילט ב. אין לאָדזשער קאָלעקטיוו, דערנאָך גאַסטראָלירט ער אי-

בער דער פּוילישער פּראָווינץ און אין אָנהויב 1929 אין פּאַריז און אין לאָנדאָן.

ב. האָט איבערזעצט אייניקע פּיעסן און איינאַקטערס, וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרן. ער פּלעגט אויך אין דער קריגס־צייט איבערזעצן די פּיעסן פון דייטש אויף רוסיש און פון יידיש אויף דייטש און רוסיש.

ש. ע.

בירנבוים, לואיס

[יעקב לייב]

געב. אין יולי 1884 אין לאָדזש, פּוילן. על־טערן — פרומע סוחרים. געלערנט אין חדר און 3 קלאַסן אין קאָנשטאַטס שול. געזונגען אַלס סאָפּראַן און אַלט אין דער דייטשער סי־נאַגאָגע, וועלכע האָט אים געוואָלט שיקן קיין איטאַליע שטודירן, אָבער דער פאָטער דער־לאָזט דאָס ניט.

אין עלטער פון 12 יאָר געזען שליפער־שטיינען אויפפירן „בר כוכבא“, וואָס רופט ביי אים ארויס נאַציאָנאַלע געפילן, און ער נעמט לייענען יידישע ליטעראַטור. באַזוכנדיק דעם צירק, פאַר־אינטערעסירט ער זיך מיט טענץ, באַקענט זיך מיט אַ גרופּע טענ־צער, וועלכע שפּילן אויך טעאַטער, און פאָרט מיט זיי קיין זגערזש, וואו ער שפּילט „פּאַפּוס“ אין „בר־כוכבא“, שפּעטער אין אַנדערע שטעטלעך. דערנאָך אריינגעטראָטן אין כאָר ביי קאַמינסקי־ראַפּאַל, און ווידער ארומגעפאָרן מיט „ליבהאָבער“ איבער די קליינע שטעט־לעך.

צוליב מיליטער־דינסט אנטלאָפן קיין אַמעריקע, און נאָך אַ שטיקל צייט אריינגעטראָטן אין גאָלדן־רול־וואָדעוויל־הויז. פינף חדשים שפּעטער גייט ער איבער אין פּיפּלס מיוזיק האָל, און נאָך דער חתונה מיט מיני פּילפּעל געוואָרן מענעדזשער פון וואָדעוויל־פאַר־שטעלונגען אין אָרליעניעוו־טעאַטער, שפּעטער פון קאַמינסקיס גאַ־סטראָלן. אייניקע פּרובן צו שפּילן ביי קעסלערן און ביי יאַנגן פאַלן דורך צוליב שטערונגען מצד דער יוניע. ב. שפּילט דאַן ווי־דער אַ סעזאָן אין וואָדעוויל און ווערט אנגאַזשירט צו טאָמאַשעוו־סקין אין פּיפּלס־טעאַטער, וואו ער שפּילט 3 יאָר, 1910־2 שפּילט ב. צוזאַמען מיט שילדקרויטן, 1913־5 אין פילאַדעלפיע, 1916־8 אין פּיפּעלס־טעאַטער ביי אַדלערן, דאַן אין סעקאָנד עוועניו מיט קעס־לער, מאַשקאָוויטש, ליפּצין, קאַליש (1 סעזאָן), און איין סעזאָן מיט אַדלערן, 2 סעזאָנען אין פּיפּלס־טעאַטער מיט מאַקס ראָזענטאַל און בעסי טאָמאַשעווסקי, 1 סעזאָן אין פילאַדעלפיע, 2 יאָר מיט־מענעד־זשער פון אוירווינג פּלייס־טעאַטער און געשפּילט דאָרט מיט זאַץ, גאָלדענבורג און מוני וויזענפריינד, גאַסטראָלירט אַ יאָר איבער דער פּראָווינץ, אַ יאָר געשפּילט אין דעטראָיט ביי ליטמאַן, 1928־9 אין ראָלאַנד־טעאַטער און 1929־30 גאַסטראָלירט איבער דער פּראָווינץ.

מ. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II, ז. 179.
יעקב קירשענבוים — קונסט און קינסטלער, „די אידישע וועלט“, קליוולאַנד, 11 יולי 1915.
[] — אַ נייער שטערן מיט אַ ראָמאַנטישער פערגאַנגענהייט, „די וואַרהייט“, 25 פעברואַר 1911.
אַלטער עפּשטיין — אינטערעסאַנטע מאָמענטען פון אַקטיאָרען לעבען, „טאָג“, נ. י., 14 יולי, 1918.

בירנבוים, מ.

געווען דירעקטאָר פון נייעשאַס יתומים־הויז אין יאַסי, רומעניע. האָט געשריבן יידישע לידער און אייניקע פּיעסן, וועלכע זיינען אויפגעפירט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין רומעניע.

אייניקע פון זיינע פּיעסן זיינען: „די יידישע פּרינצעסין“, דראַמע, „נקדימון און חנה“, היסטאָרישע אָפּערעטע, „ר' איציקל שלום“ — אָפּערעטע, אין וועלכער ס'ווערט קריטיקירט דער בוהושער חסידישער רבי.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט“ I, זז. 279־80.

בירנבוים, מיני

[מינדל פּילפּעל]

געב. 20 פעב. 1888 אין לעמבערג, גאַליציע. אָנגעהויבן שפּילן קינדער־ראָלן ביי גימפּעלן, דערנאָך אין טשערנאָוויץ און בוקאָווינע מיט יאָוועלירן, שפּעטער געשפּילט אין בערלין, און ווערט פון דאָרט אנגאַזשירט דורך טאָמאַ־שעווסקי, אַדלער און עדעלשטיין צוזאַמען מיט איר שוועסטער, פעפּי לאַוויץ, קיין אַמע־ריקע.

דאָ טרעט ב. ארויס אין קאַסינאָ אין וואָ־דעוויל־נומערן צוזאַמען מיט יוסף גראַפּער, אַמאָל אין כאָר, און אַמאָל אין סינגל־טוירנס, דאַן ביי קאַפּעלמאַנען, און זייט איר חתונה מיט לואיס בירנבוים, שפּילט זי בסדר מיט אים אַלס פּרימאַדאָנע, אַ חוץ אין 1928־9, ווען זי האָט געשפּילט אין ניו־יאָרקער פאָלקס־טעאַטער.

מ. ע.

בירנבוים, (נחום) נתן, דר.

געב. 16 מאַי 1864 אין ווין, עסטרייך. שטאַמט אָפּ פון רבנים. אַלס בן־יחיד דער־צויגן געוואָרן יידישלעך, מיט אַ צומיש פון השכלה, געלערנט אפילו אביסל תנ"ך, אָבער אין דער דייטשער שול (עלעמענטאַר־שול, גימנאַזיע און אוניווערסיטעט) און אין דער סביבה פון דייטשן ווין, פאַרלוירן דאָס ביסל יידישקייט. אין 1887 געענדיקט אויף דר. יורי., געאַרבעט 4 יאָר ביי אַן אַדוואָקאַט און דערנאָך זיך אָפּגעזאָגט דערפון און זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן צו ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער טע־טיקייט. נאָך אַלס גימנאַזיסט געפירט אַ נאַציאָנאַל־יידישע אַגי־טאַציע, און נאָך פאַר הערצלען געקומען צום ציוניסטישן נאַציאָנאַ־ליזם. 1883 צוזאַמען מיט דר. ראובן בירער און משה שניידער גע־גרינדעט דעם יידישן סטודענטן־פאַריין „קדימה“, וואָס איז ארויס־געטראָטן מיטן געדאַנק פון אַ יידישער נאַציע און איר אויפלעבונג אין ארץ־ישראל. זייט 1902 אַגיטירט ב. אונטער זיין אייגענעם נאָמען און א"פ „מתתיהו אחר“ אין זייער פיל אַרטיקלען און פאַר־טראַגן פאַר יידיש אַלס איינע פון די הויפּט יסודות פון נאַציאָ־נאַלן לעבן. 1908 באַזוכט ב. אַמעריקע, וואו ער האַלט אויך רע־פעראַטן וועגן יידישן טעאַטער. אין זעלבן יאָר געווען פאָרזיצער פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, וועלכע האָט פּראָקלאַמירט

יידיש אַלס נאַציאָנאַל-שפּראַך. 1909 גרינדעט ב. אין טשערנאָוויץ דעם „יידישן טעאַטער-פאַריין" מיטן צוועק צו הייבן דעם מצב פון דער יידישער בינע. אין דער קריגס-צייט האָט זיך ביי ב. אויסקריסטאַליזירט אַ נייע וועלט-אַנשויאונג, וועלכע רייסט פולשטענדיק איבער מיט זיין ביז דאַמאָלדיקער שטעלונג צו די יידיש-נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און ער קערט פולשטענדיג זיך צוריק „צו דער אַלטער יידישער אמונה, צו יידישקייט און צו יידישע קדושה באַשטרעבונגען". שפּעטער גייט ב. אָפיציעל איבער אין לאַגער פון דער „אגודת ישראל", פאַר וועלכער ער אַרבעט אַ געוויסע צייט אַלס סעקרעטאַר, משולח און דעלעגאַט אין אַמעריקע.

ב. האָט אויך געשריבן פיל רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער, האָט פאַרפאַסט אַ פּיעסע „פאַר די עלטערנס זינד" (זיטנבילד), וואָס איז אין 1909 געשפּילט געוואָרן. אויך זיין איינאַקטער אין דייטש „איך בין סאַלאָמאַ" איז געשריבן פון ב. אין יידיש.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, 280-9.
ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II (רשימה פון פּיעסן).
משה שאַליט — „וועגן דר. נתן בירנבוים", „ליט"בל" 78.

בירנבוים, ראַזאַ

געב. אין אַפּריל 1896 אין זוואָלין, ראַד. גוב., פּוילן, ביי אָרטאָדאָקסישע עלטערן. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-יידישע דערציאונג. אין 1908 ווען אירע עלטערן טראָגן זיך אַריבער קיין וואַרשע, טרעט זי אַריין אין אַ שול, און זעט אויך צום ערשטן מאָל שפּילן יידיש טעאַטער.

אין 1909 טרעט זי אַריין אין דער דראַמאַטישער סעקציע ביים פאַריין „הזמיר", וואָס פירט אויף אונטער פּרץ לייטונג זיין איינאַקטער „ס'ברענט", אין וועלכן זי שפּילט די ראָל „חנה רויזע". שפּעטער טרעט זי אַריין אין אַ ליבהאָבער-גרופּע, מיט וועלכער זי פאָרט אַרום איבער דער נאָענטער סביבה פון וואַרשע. בעת די גרופּע שפּילט אין ווילנע ווערט ב. אַנגאַזשירט פון ליפּאָווסקין פאַר זיין צירק-טעאַטער, און דעם צווייטן סעזאָן — ביי גענפערן אין ווילנע. צוליב דער מלחמה פאַרמאַכן זיך ביידע טעאַטערס און די טרופּעס פאַראייניקן זיך אין אַ קאָאָפּעראַטיוו אין וועלכן ב. טרעט אויך אַריין, און נעמט דאַן וואַנדערן איבער רוסלאַנד, אָבער אַזוי ווי יידיש טעאַטער ווערט פאַרבאָטן, ווערן איינגעאָרדנט רוסישע קאָנצערטן, אין וועלכע ב. באַטייליקט זיך.

אַנקומענדיק קיין כאַרקאָוו איז ב. אַנגאַזשירט געוואָרן אין פּישזאָנס טרופּע, שפּעטער טרעט זי אַריין אין לייזער זשעלאַזאָס טרופּע, וועלכע שפּילט אין סאַמאַרע. דאָ האָט זי חתונה מיט זשעלאַזאָ, און פאָרט צוזאַמען מיט אים קיין אָדעס צו מעערסאָנען, שפּעטער ביי ראַפּעלן, דערנאָך וואַנדערט זי אַרום מיט פאַרשיידענע טרופּעס איבער רוסלאַנד.

1919 קומט ב. קיין פּוילן, שפּילט אַ קורצע צייט אין לאָדזשער קאָלאָסעאום, און דערנאָך טרעט זי אַריין אין דער „ווילנער טרופּע", מיט וועלכער זי מאַכט מיט דעם טורנע ביז אַמעריקע. ב. שפּילט ביז היינט אין דעם אַמעריקאַנעם טייל פון דער „ווילנער טרופּע".

ש. ע.

בירנבערג, יעקב

געב. 9 יולי 1879 אין גאַלאַץ, רומעניע. פאָטער — אַ קאָרסעט-פאַבריקאַנט. געענדיקט 4 קלאַסן עלעמענטאַר-שול, געלערנט אין אַ קאָמערץ-שול. אין 1893 טרעט ער אַרויס אין כאָר-קאָנצערטן און אין 1895 טרעט ער אַריין אין דער טרופּע, וואָס טרייטלער שטעלט צונויף פון לאָקאַלע כחות, מיט וועלכער ער פירט אויף זיין פּיעסע „יונה הנביא". אין 1896 טרעט ב. אַריין אין אַ וואַריעטע טרופּע (ה' און פ' קלוג, ה' קונעשקאָוויטש, ה' און פ' לאַנדאָן), וועלכע וואַנדערט איבער רומעניע. אין פּלאָיעשט גייט ער איבער אין אַ לעגיטימער טרופּע, וואו עס שפּילן ה' און פ' פיליפּעסקאָ, ה' ניימאַן, סאַלאָמאָנעסקאָ, גרינפעלד (סופלער) און ה' און פ' ווייסמאַן, מיט וועלכע ער וואַנדערט איבער רומעניע ביז אין 1900 קומט ער אין קאַנאַדע, וואו ער טרעט אַריין אין אַ טרופּע. פון דאָרט פאָרט ב. אָפּ קיין ניו-יאָרק, וואו ער שפּילט פון צייט צו צייט, ביז ער טרעט אַריין אין וואַריעטע, שפּילט דאָ אַ קורצע צייט, דערנאָך 2 יאָר ענגלישן בורלעסק מיט בילי וואַטסאָן, אַ יאָר ענגליש וואָדעוויל, פון צייט צו צייט ענגליש לעגיטים-טעאַטער, און זייט ער איז אַריין אין דער יוניע — לעגיטימס יידיש טעאַטער.

ב. האָט אָנגעשריבן די פּיעסן „ווען אַ פרוי ליבט", „דעם רבינס זונדעלע" און „מאַלי ספּאָדיק", וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרן אויף דער פּראָווינץ.

ש. ע.

בלאַכמאַן, קיידי

[קיילע מייעראָוויטש]

[געב. 1876 — געשט. 1912]

געב. 1876 אין דווינסק, לעטלאַנד. שוועסטער פון דוד מייעראָוויטש. אין עלטער פון 6 יאָר געקומען אין אַמעריקע, און זייער יונג אָנגעהויבן איר בינע-קאַריערע אַלס פּרימאַדאָנע צוזאַמען מיט ס. טאָרנבערג. אין וואָדעוויל-פּעריאָד שפּילט זי אין געבילס וואָדעוויל-טרופּע. ב. איז געשטאָרבן אין 1912, און געקומען צו אייביקער רו אויפן מאָנטעפיאָרע בית-עולם אין ניו-יאָרק.

מ. ע. פון דוד מייעראָוויטש און ש. ע. פון סעם בלעכמאַן.

בלאַנק, אברהם

געבוירן 1858 אין בוקאַרעסט, רומעניע. אָנגעהויבן זיין טעאַטער-טעטיגקייט אין 1879 אַלס סופלער אין בוקאַרעסטער „זשיגניצאַ-טעאַטער א"ל פון גאָלדפאַדען. 1881 דעביוטירט אַלס „שדכן" אין „שמענדריק" (צוזאַמען מיט מאָגולעסקאָ) און זייט דאַמאָלט שוין געבליבן אַן אַקטיאָר. 1887-9 געשפּילט אין אָדעס צוזאַמען מיט מאָגולעסקאָ, אבא שיינגאָלד און סאָפיע גאָלדשטיין, און אין משך פון דער דאָזיקער צייט אויפגעטראָטן אַלס „האָצמאַך" און „הונגערמאַן".

אין 1901, נאָך אַ הפסקה, ווידער אָנגעהויבן שפּילן אין בוענאָס-איירעס אין טעאַטער מאַרקאָני אין דער טרופּע פון ניימאַן-פינקל. 1902 — אין טעאַטער ליבערטאַד צוזאַמען מיט בערטאַ און קאַרל גוטענטאַג, ארויסטרעטנדיק שוין אין די קאָמישע ראָלן פון לאַטיינערס, הורוויצס און שייקעוויטשעס פּיעסן, אין וועלכע ב. האָט זיך געמאַכט זייער באַליבט.

זייט 1912 זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע.

ש. ע. דורך יעקב באָטאָשאַנסקי.

בלאַנק, בנימין

געבוירן 5 יולי, 1896 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. פאָטער — דער אַקטיאָר לעאָן בלאַנק. געלערנט אין חדר, געענדיגט פּאָבליק און הײַ-סקול, און געלערנט אין קאָלומביע-אוניווערזיטעט. אין עלטער פון 6 יאָר אָנגעהויבן שטודירן קלאַוויר, ביי 12 יאָר — טעאָריע, שפּעטער געענדיקט דעמראָש-קאָנסערוואַטאָריום.

אין 1919 געווען געהילף-דיריגענט ביי פּרץ סאַנדלער אין באָסטאָן, און אָנגעשריבן מוזיק צו ס. ה. קאַהןס אָפּערעטע „רייזל פון ראַקסבערי" (אויפגעפירט דורך דזש. נאַטאַנסאָן), דערנאָך ווערט ב. אַנגאַזשירט אַלס דיריגענט צו אַל. גליקמאַן אין שיקאַגאָ, און דאָרט שרייבט ב. מוזיק צו ב. ראָזענס אָפּערעטע „גיטעל", וועלכע ב. פירט אַליין אויף. אין דעטראָיט ביי א. ליטמאַן ווערט ב. שוין אַנגאַזשירט אַלס דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר און אַלס מיט-רעזשיסער פון די אָפּערעטן, און דאָ פאַרפאַסט ער און העלפט אויפפירן זיינע קאָמפּאָזיציעס צו סיגעלס „אַמעריקאַנער רביצין", שטיינבערגס „בענקענדע הערצער", מיכל גאָלדבערגס „משה דער גריינער", סיגעלס „העלאָ שמענדריק" און „רייזעל מעקאַרטי", און צו פריימאַנס אָפּערעטע „סערקעלע קאָזאַק", דאַן פירט ב. אויף אין ניו-יאָרקער ניישאָנאַל-טעאַטער זיין אָפּערעטע „לינע פון פּאַלעסטינע" (טעקסט פון א. ליליען), און אין 1928-9 אין ליריק-טעאַטער זיינע אָפּערעטן „אַ מלכה אָן אַ מלך" (טעקסט פון א. ליליען), „רייזעלע פון טשיינאַטאַון" (טעקסט פון סיגל), „חתן כלה מזל-טוב" (טעקסט פון ליליען) און „די פריילעכע מויד" (טעקסט פון א. זאַלאַטאַרעווסקי).

ב. איז פאַרהייראַט מיט דער אַקטריסע בעטי פרענק.

מ. ע.

בלאַנק, יחיאל

געקומען מיט לאַטיינערס און מאָגולעסקאָס טרופּע קיין אָדעס אין 1889, און געשפּילט אין מאַרינסקי-טעאַטער. זיין בעסטע ראָל אין וועלכער ער האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג איז געווען „יוקעל גבאי" אין לאַטיינערס „דיבוק".

אין סוף פון די נײַנציקער יאָרן טרעפן מיר אים אין אַרגענטינע, וואו ער און אברהם ניימאַן נעמען צוזאַמען „ליבהאָבער" און שפּילן מיט זיי אין זאַלן.

[גאַנץ מעגלעך אַז בלאַנק אברהם און יחיאל זיינען איין פּערזאָן].

מ. ע. פון יעקב קאַצמאַן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 9-198.

בלאַנק, לעאָן

געבוירן 1867 אין קעשעניעוו, בעסאַראַביע, ביי פרומע עלטערן, וועלכע טראָגן זיך איבער אין 1876 קיין בערלאַד, רומעניע. געלערנט אין חדר און בית-המדרש און אַלס קינד פון 6 יאָר געוואָרן אַ משורר ביי אַ חזן, דערנאָך אויך צוזאַמען מיטן ברודער (איצט אַ חזן-שוחט), געזונגען ביי חזנים אין רומעניע. אָן וויסן פון די עלטערן זיך געלערנט דייטש און באַזוכט די פאָרשטעלונגען פון דער גאַסטראָלירנדיקער יידישער טרופּע (מאָגולעסקאָ, פיינמאַן און קעסלער), דאָ באַקענט ער זיך מיט קעסלערן, וועלכער איז נאָך אין קעשעניעוו געווען אַ חבר פון ב.'ס ברודער.

באַגייסטערט פון די פאָרשטעלונגען, אַנטלויפט ב. מיט די אַקטיאָרן און ווערט ביי זיי אַ כאָריסט און אויפזעער איבערן גאַרדעראָב.

אונטער די שווערסטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, טרעט ב. נישט אָפּ פון טעאַטער בייטאָג און ביינאַכט, אַ חוץ די ימים-נוראים, ווען ער זינגט אַלס משורר אין שול.

ווען מאָגולעסקאָ קומט פון אַמעריקע מיטצונעמען די יידישע טרופּע פון רומעניע, שלעפּט זיך ב. מיט אָן דעם וויסן פון די פאַרוואַלטערס און וואַנדערט שוין אַזוי איבער יאַסי, טשערנאָוויץ, לעמבערג, האַמבורג און כאַפּט זיך בגנבה אַרויף אויף דער שיף.

אָנגעקומען 1886 אין אַמעריקע איז די ערשטע צייט ב. געווען אַ כאָריסט און געוואָרן אַ מיטגליד אין דער כאָריסטן-יוניאָן, טיילמאָל אויך אָנפירנדיק מיטן כאָר.

אינספּירירט פון מאָגולעסקאָ צו ווערן אַן אַקטיאָר, פאַרטרעט אַמאָל ב. דעם קראַנק-געוואָרענעם טאָמאַשעווסקי אין דער געזאַנגראָל „קרוינפּרינץ אַלעקסאַנדער", אָבער ט.'ס „פּאַטריאָטן" זיינען מקבל פּנים ב. מיט פוילע עפּל. אַן אַנדער מאָל פאַרטרעט ב. דעם קראַנק-געוואָרענעם קעסלער אין שאַרקאַנסקים „כל נדרי" און באַקומט אַן ענלעכן קבלת-פּנים פון ק.'ס „פּאַטריאָטן".

5 יאָר איז ב. כאָר-דיריגענט און שפּילט גלייכצייטיק פאַרשיידענע ראָלן, אָבער ערשט 1897, ווען ער שפּילט „ר' טוביה ניו" אין לאַטיינערס „דודס פידעלע", ציט ער אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער קריטיק און ווערט דערנאָך אַנגאַזשירט אין טעאַטער, וועלכער שפּילט דעם גאָרדין-רעפּערטואַר.

ב. איז געווען דער ערשטער צו קרעאירן פאָלגנדיקע גאָרדינס טיפּן: „כאַצקעל דראַכמע" אין „גאָט, מענטש און טייוול", „טוביה האביוני" אין „אלישע בן אבויה", „מלכיאל גאַרבער" אין „דער מטורף", „באָרים סטאַוראָפּאָלסקי" אין „סאַפאָ", „שמואל אשכנזי" אין „דער אומבאַקאַנטער" א. א. ער האָט אויך קרעאירט אַ סך ראָלן אין קאָברינס און ליבינס רעפּערטואַר.

בערך 8 יאָר פאָרט ב. אַרום איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ מיט פּיעסן, ספּעציעל געשריבן פאַר אים פון זאָלאָטאַרעווסקי, סיגעל, וואָלף א. א. 1920-1922 איז ב. אַנגאַזשירט אַלס ערשטער שוישפּילער אין אַרטש סטריט טעאַטער אין פילאַדעלפיע.

1922 — טרעט ב. אַריין אין ניישאָנאַל טעאַטער (מענעדזש. סאַקס און לואי גאָלדבערג). 1926 גייט ב. איבער אין ליבערטי טעאַטער און פון דאָרט אין פּאָבליק טעאַטער (מענ. לואי גאָלדבערג און נייטאַן שולמאַן), וואו ער פירט אויף אייניקע מעלאָדראַמען און ז. ליבינס דראַמע „קינדער פאַרגעסן נישט". זייט 1928 גאַסטראָ-

לירט ב. ווידער איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ אין זיין אייגענעם רעפּערטואַר.

ב. איז געווען אַ מיטגרינדער פון „טהע היברו עקטארס פּראָטעקטיוו יוניאָן אָף אַמעריקא" (1899).

ב. האָט אין „פאָרווערטס" (5 אָקטאָבער 1928 — 29 יאַנואַר 1929) פאַרעפנטלעכט [טיילווייז אונטער אַנאָנימער רעדאַקציע און טיילווייז אין דער באַאַרבעטונג פון מ. אשעראָוויטש] 33 גרעסערע אַרטיקלען-זכרונות וועגן קעסלער, „פּראָפ." הורוויץ און מאָגולעסקאָ.

ב.'ס זון, בנימין, שרייבט קאָמפּאָזיציעס צו יידישע אָפּערעטן און איז פאַרהייראַט מיט דער אַקטריסע בעטי פרענק, די טאָכטער פון אַקטיאָר יעקב פרענק.

ב. גארין — „געש. איד. טעאַט." II, זז. 35, 161.

לעאָן בלאַנק — (מעמואַרן וועגן קעסלער, הורוויץ און מאָגולעסקאָ), „פאָרוו.", 5 אָקטאָבער 1928 — 29 יאַנואַר 1929.

ב. באַטוויניק — לעאָן בלאַנק איז אַלט געוואָרען פופציק יאָהר, „פאָרוו." 22 נאָוו. 1918.

אַלטער עפּשטיין — אינטערעסאַנטע מאָמענטען פון אַקטיאָרען לעבען. „דער טאָג", נ. י. 16 יוני 1918.

ב. באַטוויניק — לעאָן בלאַנק, „דער וועקער", 8 יאַנואַר 1927.

ה. לאַנג — ווי אַזוי לעאָן בלאַנק איז געוואָרען אַן אַקטיאָר, „פאָרוו.", 19 אַפּריל 1925.

ח. עהרענרייך — לעאָן בלאַנק איז איצט זעכציק יאָהר אַלט, „פאָרוו.", 10 יוני 1927.

א. פרומקין — דער קריזיס דאָס זענען מיר די סטאַרס — זאָגט לעאָן בלאַנק, „מאָ"זש", נ. י. 17 פעברואַר 1928.

ב. וויינשטיין — „די אידישע יוניאָנס אין אַמעריקא", נ. י. ז. 129.

בלאַק, יעטאַ

געב. 1 מאַי 1880 אין קאָוונע, ליטע. פאָטער — אַ וואַטע-מאַכער, זייער ליב געהאַט נגינה, און צוליב דעם אַ שטיקל צייט געווען פאַרבונדן מיט די בראָדערזינגער, און שפּעטער געווען אַ בעל-תפלה.

אַלס קינד פון $2\frac{1}{2}$ יאָר געקומען מיט די עלטערן אין אַמעריקע, דאָ געענדיקט פּאָבליק סקול, און אין עלטער פון 15 יאָר אריינגעטראָטן אין אַ דראַמאַטיק-קלאַב, וואו ס'זיינען מיטגלידער דוד לעוועגסאָן, בעלאַ גודינסקאַ, טאַרנבערג, סעם שנייער, יונה גינזבורג. דאָ באַטייליקט זיך ב. אין דער פאָרשטעלונג „דאָס טיגער-פּאָר", וואָס דער קלאַב שטעלט אין ווינדזאָר-טעאַטער. באַלד דערויף ווערט זי אריינגענומען אין הורוויצעס טרופּע, און טרעט אויף אַלס „בלינדע" אין „די געהיימניסע פון לאָנדאָן". דערנאָך פאָרט ב. קיין פילאַדעלפיע, וואו זי שפּילט אייניקע סעזאָנען ביי מייק טאָמאַשעווסקי מיט טש. נאַטאַנסאָן, קעסטין און יעקב פרענק. פון דאָרט פאָרט זי ארום איבער קליוולאַנד, טאָראָנטאָ, און שיקאַגאָ, וואו זי האָט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט די גאַסטראָלירנדע מאַריסאָן, קעסלער, אַדלער, ליפּצין און קאַליש. אייניקע סעזאָנען האָט ב. אויך געשפּילט וואַריעטע מיט געבילן אין ניו-יאָרק, און פון גאַרדין-פּעריאָד אָן גייט זי איבער צו דער דראַמע און מעלאָדראַמע. 1926 גאַסטראָלירט ב. אין אייראָפּע, און דאָן אַ קורצע צייט אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע. 1928 גאַסטראָלירט ב. אין לאָנדאָן און אין לעמבערג. 1929 גאַסטראָלירט זי אין קאָוונע און שפּעטער אין ריגע.

מ. ע.

בלאַק, מילדרעד

[סאָפּיאַ]

געב. 15 מערץ 1902 אין פילאַדעלפיע, אַמעריקע. פאָטער — דער אַקטיאָר אהרן סאָפּיע. געענדיקט פּאָבליק-סקול, און באַזוכט אַ הייסקול. דאָס ערשטע מאָל ארויסגעטראָטן אויף דער בינע אַלס קינד פון 6 יאָר, זינגענדיק אַ לידל אויף איר פאָטערס בענעפיס. פון 8-11 יאָר געשפּילט קינדער-ראָלן. אָנגעהויבן שפּילן דערוואַקסענע ראָלן ביי די גאַסטראָלן פון ליפּצין און שפּעטער פון ליליען איבער דער פּראָווינץ. 1919 געשפּילט אין וויניפּעג, 1920 — דעטראָיט, 1921 — פילאַדעלפיע, 1922 — קליוולאַנד, 1923 — נוארק, 1924 — ליריק אין בראָנזוויל, 1925-7 אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער, 1928-9 אין פּראָספּעקט-טעאַטער ביי נאַטאַן גאָלדבערג און 1929-30 — אין ברוקלינער ראָלאַנד-טעאַטער.

אַמפּלואַ — סוברעטין.

מ. ע.

מ. אַשעראָוויטש — אַמעריקאַנער געבאָרענע און אַמעריקאַנער ערצויגענע אַקטיאָרן און אַקטריסעס אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרוו.", 14 נאָוו., 1925.

בלאַשטיין, הירש

געבוירן 1 יאַנואַר 1895 אין קיידאַן, קאָוונער געגנט, ליטע, ביי אַן אָרימען שניידער. צו 12 יאָר געבליבן אַ יתום און געמוזט מפרנס זיין די מוטער דורכן לערנען מיט חדר-יונגלעך און צוריקגעשטאַנענע ישיבה-בחורים. 1912 דעביוטירט א"פ מרדכי מולער אין ווילנער „לעבן און וויסנשאַפט", און שפּעטער געוואָרן אַ טעטיקער שריפטשטעלער. אין 1917-8 איבערזעצט פאַרן כאַרקאָווער „אונזער ווינקל" קאָמעדיעס פון לודוויג פולדא, „דער ראָמאַנטיקער" פון עדמאָנד ראָסטאַן א. א.

1925 — אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט. I, ז. 294.

בלום, אברהם

געב. 15 יולי 1893 אין ראַדזיווילאָוו, וואָלינער גוב. דער פאָטער שטאַרבט אַ וואָך פאַר ב.'ס געבורט, און ב. ווערט דערצויגן ביי זיין מוטערס עלטערן. אחוץ למודי קודש האָט ער צו פערצן יאָר געענדיקט די שטאַטישע רעגירונגס-שול. דאַן ווערט ער אַ שרייבער פון ביטעם ביי אַ פעטער, אַן אַדוואָקאַט.

דער זיידע שיקט אים אָבער אין דער סעשעניעווער ישיבה פון ר' שלום פערלמוטער, וואו ער לערנט דריי יאָר. פון דאָרט פאָרט ער מיט דער מוטער אויף אַ קורצער צייט קיין פאַריז, דערנאָך צוריק אין זיין שטעטל און ענדלעך פאָרט ער אָפּ צו זיין פעטער קיין ניו-יאָרק.

זיין באַגער איז אָפּצוגעבן זיך מיט טעאַטער, צו שרייבן פּיעס; הגם ער האָט נאָך ניט קיין קלאָרן באַגריף וואָס דאָס איז אַזעלכעס. דער פעטער אָבער לאַכט זיך אויס פון די „אינטעליגענטישע חלומות", און ער גיט אים אריין אין אַן אָוונט-שול, און

ביטאָג אין אַ שאַפּ צו נייען העמדלעך. אָבער אָפּזייענדיק אין שאַפּ אַ חודש צייט ווערט עס אים אַזוי איבערדריסיק, אַז ער לייגט פאַר דעם פעטער אים צוריקצושיקן קיין אוקראַאינע. דער פעטער איז באַין ברירה מסכים, אַז ב. זאָל זיך אַ געוויסע צייט לערנען, ניט אַרבעטן, און אַזוי לערנט ער זיך 2 יאָר ענגליש ביז ער קומט אָן אין דער באַן־קאָמפּאַני „פּענסילוועניא רייל־ראָוד" אַלס באַאמ־טער. דאָ, אין אַ זאַמל־פּונקט פון פאַרשיידענע טיפּן, שעפּט ער דעם שטאָף פאַר זיין ערשטער דראַמע „דער עוויגער קאַמף", וועל־כע ווערט דעם 28טן אויג. 1914 אויפגעפירט דורך „ליבהאָבער" אין פילאַדעלפיע, און דעם 17 יאַנואַר 1915 אין ניו יאָרק דורך צווייט־קלאַסיקע אַקטיאָרן מיטן אַלטן אַקטיאָר צעזאַר גרינבערג אין דער הויפּט ראָל.

צוליב דער קאַלטער באַציאונג מצד די יידישע אַקטיאָרן פאַר־לירט ער דעם חשק צו דער יידישער בינע, פאָרט אַוועק קיין ניו־הייווען שטודירן אין יעהל־אוניווערזיטעט. דאָרט דערוויטערט ער זיך אינגאַנצן פון דער יידישער וועלט, הויבט אָן שרייבן פּאָעזיע אין אַ קאַטוילישער צייטונג, און זעצט איבער פאַר פאַרשיידענע זשורנאַלן איינאַקטערס פון טורגעניעוו און טשעכאָוו.

אונטער דעם איינדרוק פון אַ דעמאָנסטראַציע קעגן די פּאָגראָמען אין פּוילן, שרייבט ער אָן זיין דראַמע „קול יעקב", וועלכע ווערט דעם 11טן סעפּטעמבער 1922 אויפגעפירט דורך גוסטאַוו שאַכטן אין אַמפּיאָן טעאַטער. ער פאָרט אָפּ קיין ניו־יאָרק, און הויבט ווידער אָן אַרבעטן פאַר דער יידישער בינע.

אויף דער איניציאַטיוו פון יאָזעף רומשינסקי זעצט ער איבער „שולמית" אויף ענגליש, דאַן זעצט ער איבער אויף יידיש יושקע־וויטשעס פּיעסע „טייוול־געלט", וועלכע ווערט אויפגעפירט ביי גבילן.

דעם 26טן פעב. 1926 פירט יאָזעף שיינגאָלד אויף אין ליריק־טעאַטער, ברוקלין, זיין דראַמע „דער חלום פון גליק".

דעם 21טן אָקט. 1926 האָט וויערא זאַסלאַווסקאַ אויפגעפירט אין באַלטימאָר זיין קאָמעדיע „די מומע פון לעמבערג".

דעם 31טן אָקטאָבער 1926 ווערט אויפגעפירט זיין ביבלישע דראַמע „רות" אין ענגליש אין סעם העריסעס טעאַטער אין ניו־יאָרק.

ב. האָט איבערזעצט „סם" פון לונאַטשאַרסקי און „די משוגענע" (פון פראַנצויזיש) פאַרן אַקטיאָר א. אזרא.

ב. איז די לעצטע 3 יאָר געווען פּובליסיטי־אַגענט ביי גביל, נייר־שאָנאַל־טעאַטער און ביי דער „ווילנער טרופּע".

דעם 7טן דעצ. 1927 איז אין האָפּקינסאָן־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן זיין דראַמע „איר לעצטער טאַנץ" (שפּעטער געשפּילט דורך גבילן), דעם 17 פעברואַר 1928 איז אין מעקינלי־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן זיין דראַמע „די ווילדע מויד".

דעם 1 אָקטאָבער 1928 האָט סעמיועל גאָלדענבורג אויפגעפירט אין נײישאָנאַל־טעאַטער זיין קאָמעדיע־דראַמע „די ליבע פון אַ נאַר" (שפּעטער געשפּילט אין דעטראָיט א"נ „יאָשקע גולם"), דעם 16 נאָוו. 1928 האָט יאָזעף שיינגאָלד אויפגעפירט אין פילאַדעלפיער קאַסינאָ־טעאַטער זיין פּיעסע „ווען אַ הארץ ליבט" (שפּעטער גע־שפּילט אין דעטראָיט א"נ „דער קאַבאַרעט־זינגער", אין מאָנטרעאַל א"נ „נאַכט־לעבן פון ניו־יאָרק" און דעם 8 נאָוועמבער 1929 — אין ברוקלינער ליריק־טעאַטער א"נ „די קאַבאַרעט־טענצערין".) דעם 4טן יאַנואַר 1929 איז אין שיקאַגאַ ביי גליקמאַנען אויפגעפירט גע־וואָרן זיין פּיעסע „שטיף־ברידער", דעם 20טן אָקטאָבער 1929 איז אין ניו־יאָרקער נײישאַנאַל־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ב.'ס אָפּע־רעטע „די איינציקע נאַכט" (מוזיק פון א. אָלשאַנעצקי) און דעם 1 נאָוועמבער 1929 איז אין באָסטאָן אויפגעפירט געוואָרן דורך האָלענדער ב.'ס קאָמעדיע־דראַמע „דזשייקאָבס קינדער".

ש. ע.

ל. פּאָגעלמאַן — די נייע פּיעסע אין נעשאָנאַל טעאַטער, „פאָרוו."‚ 25 אָקט. 1929.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פרייע אַרבייטער שטימע", נ. י., 22 נאָוו. 1929.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פרייע אַרבייטער שטימע", נ. י. 6 דעצ. 1929.

א. פרומקין — „די איינציגע נאַכט" אין נעשאָנאַל טעאַטער, „ברוקלי־נער אידישע שטימע", 20, 1929.

א. פרומקין — „די קאַבאַרע טענצערין" אין ליריק טעאַטער, „ברוקלי־נער אידישע שטימע", 22, 1929.

בלום, העגרי

[הײנריך]

געב. אין פּלאָצק, פּוילן. עלטערן — קרעטשמאַרעס. אין 1897 וואַנדערט אויס די פאַמיליע קיין אַמעריקע, וואו דער פאָ־טער שטאַרבט באַלד, און ב. מוז אָנהייבן אַרבעטן אין עלטער פון 11 יאָר אין אַ שניי־דער־שאַפּ. דורך אַ שכן, אַ טעאַטער־שניידער ווערט ב. אין דער פּריסטער יוגנט אַריינגע־פירט אין יידישן טעאַטער, וואו ער העלפט די ערשטע צייט דעם שניידער, דערנאָך הייבט ער אָן אָנטאָן די סטאַטיסטן. ווען דער אַקטיאָר פייוול פרידמאַן ווערט קראַנק, דערלויבט מען ב. צו פאַרטרעטן אים אין דער פּיעסע „דעם פאָטערס קללה", נאָכן שפּילן נאָך אייניקע קליינע ראָלן אין דער טרופּע, גרינדעט ב. דעם דראַמאַטישן קרייז „אינדעפּענדענט דראַמאַטיק סאָסייעטי", וואו ער פירט אויף זיינע אָן אייגענע פּיעסע „די אייפערזיכטיקע ליבע", און דאַן אייניקע גאָרדינס פּיעסן. דערנאָך שפּילט ב. אַלס פּראָפעסיאָנאַל אַ קורצע צייט אין וואָדעוויל, און אויך אין לעגיטימען טעאַטער אין ניו־יאָרק, און פאָרט אַרום איבער דער פּראָ־ווינץ מיט די טרופּעס פון אַדלער, קעסלער, טאָמאַשעווסקי, בלאַנק, מאַקס ראָזענטאַל און גביל, אויסערדעם האָט ער אויך סעזאָ־נען־לאַנג געשפּילט אין אָרטיקע פּראָווינץ־טרופּעס, 1927-8 שפּילט ב. אין באַלטימאָרער פּאַלי־טעאַטער, 1928-9 — אין פּיטסבורג און 1929-30 אין טאָראָנטאָ.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער־ראָלן.

ש. ע.

בלום, סאַמועל

[שמואל]

געב. 2 סעפּט. 1880 אין גאַלאַץ, רומעניע. פאָטער — געווען דיריגענט אין כאָר אין טעמפּל, און ביי גאָלדפאַדען. געענדיקט אַ פאָלקס־שול. געזונגען נאָך אַלס קינד אין כאָר ביי גאָלדפאַדען, שפּעטער אָנגעהויבן שפּילן ליבהאָבער־ראָלן, געשפּילט אויך אין דער דייטשער אָפּערעטע אין ווינער קאַרל־טעאַטער. נאָכן שפּילן אייניקע יאָר אין איי־ראָפּע, זיך באַזעצט אין אַרגענטינע, וואו ער שפּילט אין די דאָרטיקע יידישע טעאַטערס, אָרקעסטרירט די אָפּערעטן און פאַרפאַסט אויך אייגענע מוזיק.

ש. ע.

בּלום, סעם

[אַלעקסאַנדער]

געבוירן 15 יולי 1882 אין לעמבערג, מזרח-גאַליציע. פּאָטער — אַ היטל-מאַכער. געלערנט אין חדר, תּלמוד-תורה און פּאָלקסשול. פון דער פּריסטער יוגנט געאַרבעט ביי אַ צימער-מאָלער און גלייכצייטיק געזונגען ביי חזנים.

אין עלטער פון 15 יאָר אַריינגעטראָטן אַלס כאָריסט אין גימפּעלס טרופּע און נאָך אייניקע חדשים אַריבער צו אַקסעלראַדן אויף דער גאַליצישער פּראָווינץ, וואו ב. באַקומט שוין די מעגלעכקייט צו שפּילן געזאַנג-ראָלן און דעביוטירט אין קאַלאַמעאַ אין דער טיטלראָל פון דער אָפּערעטע „בוסתּנאי", דערנאָך פאָרט ער ווידער איבער דער גאַליצישער פּראָווינץ!

צוליב מיליטער-סבּות עמיגרירט ב. אין 1899 קיין אַמעריקע און טרעט אויף אין ניו-יאָרקער ווינדזאָר-טעאַטער אַלס „בר כּוכבא", אָבער צוליב די שוועריגקייטן צו שפּילן, ציט זיך ב. צוריק אויף אייניקע יאָר פון דער בינע און פאַרנעמט זיך ווייטער מיט זיין מאָלער-פאַך, דערנאָך טרעט ער אַריין אין וואָדעוויל-טעאַטער פון אַגעד, וואו ער שפּילט אייניקע סעזאָנען, שפּעטער אויך אין פאַרשיידענע אַנדערע יידישע וואָדעוויל-הייזער. 1909-1910 — שפּילט ב. לעגיטים טעאַטער ביי טש. נאַטאַנסאָן אין שיקאַגער מעטראָפּאָליטאַן-טעאַטער, 1910-1911 — ביי טש. נאַטאַנסאָן אין שיקאַגער פּאַלאַס-טעאַטער, 1911-12 — מיט רעגינאַ פּראַגער איבער דער פּראָווינץ ביז סט. פראַנציסקאָ, 1912-14 — אין מאָנטרעאַל ביי ווייסמאַן און בירנבערג, 1914-15 — אין ליריק טעאַטער, ברוקלין, ביי סימכאָוויטש און סאַקס, 1915-17 — אין קליוולאַנד ביי הערי בערנשטיין, 1917-18 — אין ניו-יאָרקער גרענד-טעאַטער ביי לואי גאָלדשטיין, 1918-21 — אין ליבערטי טעאַטער ביי וויינטרויב, שפּעטער ביי יאָנג, 1921-22 — ביי געביל אין מאַונט מאָריס-טעאַטער, 1922-23 — אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן, 1923-24 — אין מאָנטרעאַל, וואו ער איז מענעדזשער בשותּפות מיט וויסבערג-פּראַגער, 1924-29 — אין נייִשאָנאַל, ליבערטי און פּאָבליק-טעאַטער ביי לואי גאָלדבערג.

אַמפּלואַ — פּאָטער-געזאַנג-ראָליסט.

מ. ע.

בּלומענטאַל, דוד

לויט יעקב פּ. אַדלער איז ב. געווען אַ הערקוליסישע פיגור.

ב. איז צוערשט געווען אַ בדחן, דערנאָך אַ פּאָלקסזינגער, און געשפּילט יידיש טעאַטער ביי נפתּלי גאָלדפאַדען, דערנאָך ביי אַברהם גאָלדפאַדען און צו לעצט ביי פּישזאָן.

ב. פלעגט שפּילן כאַראַקטער-קאָמישע ראָלן און אין אַ נויט אויך „מאַמעס".

ב. האָט אויך אַליין אָנגעפירט מיט קליינע וואַנדער-טרופּעס.

געשטאָרבן איז ב. אין יעקאַטערינאָסלאַוו פון אַ האַנט-פאַרגיפטונג.

מ. ע. פון אַברהם פישקינד, בינע בראַגינסקאַ, בינע אַבראַמאָוויטש און עמנועל טשיזשיק.

יעקב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „דיא וואַרהייט", 25 אויגוסט 1917.

בּלומענטאַל, נייטאַן

געב. 24 אָקט. 1870 אין אָזאָרקאָוו, פּוילן. פּאָטער — אַ משכּיל, אַ לערער. די עלטערן טראָגן זיך אַריבער קיין לאָדזש, וואו ב. לערנט אין קאָנשטאַטס שול.

אין 1891, צוליבן פּריזיוו, אַנטלאָפן קיין לאָנדאָן, און זיך דאָ פאַרנומען מיט מסחר. באַקענט זיך מיט דער אַרטיסטקע פּעני וואַקסמאַן און האָט מיט איר חתונה מיט דער כּוונה זי אָוועקצונעמען פון דער בינע. אין 1900 פאָרט ער אויפן רוף פון זיין שוואָגער, דעם אַקטיאָר מ. ד. וואַקסמאַן, קיין דרום-אַפריקע, כּדי דאָרט צו עפענען אַ געשעפט. צופעליק ווערט ער פאַרוואַלטער פון דאָרטיקן יידישן טעאַטער, און אַנשטאָט אָוועקצונעמען זיין פרוי פון דער בינע, ווערט ער אַליין אַריינגעצויגן אין יידישן טעאַטער, און ווען ער קומט, נאָך 3 יאָר, צוריק קיין ענגלאַנד, ווערט ער אַ דירעקטאָר פון יידישע טרופּעס אין לאָנדאָן, פּאַריז און זייט 1928 אין בעלגיע.

מ. ע.

בּלומענפעלד-טורקאָוו, דיאַנאַ

געב. אין 1903 אין וואַרשע, פּוילן. געענדיקט אַ מיטלשול און פּעדאַגאָגישע קורסן, און געווען לערערין אין אייניקע שולן. אין 1921 געלערנט אַ יאָר אין קאָנסערוואַטאָריע און דערנאָך אין דער פּוילישער דראַמאַטישער שול פון הריניעוויעצקאַ. אין 1924 געענדיקט די שול, און אַריינגעטראָטן אין אסתּר רחל קאַמינסקאַס טרופּע אין ווילנע. סוף פון זעלבן יאָר געשפּילט אין וואַרשעווער צענטראַל-טעאַטער. דערנאָך איז ב. געוואָרן איינע פון די ערשטע מיטגלידער פון „וויקט", און מיטגעמאַכט דעם טורנע איבער פּוילן, אין 1925 געשפּילט אין דער טרופּע פון איר מאַן יאָנאַס טורקאָוו, 1926-7 אין „קראַקעווער יידישער דראַמאַטישער טעאַטער", 1928-9—ווידער אַרומגעפאָרן מיט איר מאַנס טרופּע, און זיך באַטייליקט אין פילם-בילד „די פּוילישע וועלדער" פון אָפּאַטאָשו.

ש. ע. פון יאָנאַס טורקאָוו.

בּלומענפעלד, לופּוס

[זאב]

[געב. 17 נאָוו. 1889 — געשט. 16 נאָוו. 1929]

געב. 17 נאָוו. 1889 אין באָטאָשאַן, רומעניע. פּאָטער — חזן און שוחט. באַקומען אַ שטרענג טראַדיציאָנעלע דערציאונג אין חדר און ישיבה. נאָך דער בר-מצוה אָנגעהויבן פאַר זיך לערנען רומעניש און דייטש, און באַקענען זיך מיט דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. שפּעטער אַוועק קיין טשערנאָוויץ, וואו ער באַזוכט דעם אוניווערזיטעט אַלס פרייער צוהערער, דערנאָך געלעבט אַ צייט אין אונגאַרן ביי קרובים פון פּאָטערס צד, זיך אויסגעלערנט אונגאַריש און זיך באַקענט מיט דער אונגאַרישער ליטעראַטור. צו 19 יאָר געקומען קיין פּאַריז, און אַלס פרייער צוהערער שטודירט פילאָסאָפיע. ביז דער מלחמה זיך מפרנס געווען פון פראַנצויזישע לעק-

ציעס, און זייט 1917 מיטאַרבעטער פון פאַרשיידענע פראַנצויזישע פעריאָדישע אויסגאַבן. אויף יידיש האָט ב. דעביוטירט אין 1913 מיט אַן איבערזעצונג, זייט דאַמאָלט באַטייליקט ער זיך אַקטיוו אין דער יידישער פרעסע און אין דער ליטעראַטור מיט אָריגינעלע אַרבעטן און איבערזעצונגען.

ב. האָט איבערזעצט „דער קאַרגער" פון מאָליער און ראָמען ראָלאַנס „וועלף" (אויפגעפירט דורך שוואַרצן דעם 30טן דעצ. 1924 אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער) און ראָמען ראָלאַנס „דער שפּיל פון לעבן און טויט".

ב. איז געווען באַזונדערס טעטיק אַלס איבערזעצער אויף פראַנצויזיש פון דער יידישער ליטעראַטור. אַזוי האָט ער איבערזעצט אַשס „גאָט פון נקמה" (געשפּילט געוואָרן דורך דיולענען אין אַטעליע-טעאַטער אין פּאַריז) און פּינסקיס „אוצר". ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אויף פראַנצויזיש זייער פיל אַרטיקלען, אָפּשאַצונגען און קריטיק וועגן דער יידישער ליטעראַטור און יידישע קינסטלער.

דעם 16 נאָוועמבער 1929 איז ב. געשטאָרבן אין פּאַריז.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 300-303.
דר. י. ב. צפור — לופוס בלומענפעלד, „ליט"בל" 52, 1929.
וולאַדימיר גראָסמאַן — ל. בלומענפעלד, „דער טאָג", נ. י. 5 דעצ. 1929.

בליאַכאַר, שבתי

געב. יולי 1904 אין ווילנע, פּויליש-ליטע. פאָטער — אַן אָנגעשטעלטער. געלערנט אין חדרים, און שפּעטער אין חדר-מתוקן „תורת אמת, דאַן אַ קורצע צייט אין ישיבה „תפארת בחורים". אין 1917 אַריינגעטראָטן אין דער „גמנסיה עברית", און דאָ זיך באַטייליקט אין דער העברעאישער פּיעסע „דוד וגלית", רעזשיסירט דורך מאַרעווסקין. ווען אין 1919 ווערט דורך דער ווילנער קהלה אַרויסגעשיקט אַ גרופּע קינדער אין אַ זומער-קאָלאָניע נעבן וואַרשע, פאָרט ב. מיט און גרינדעט מיט דער הילף פון די לערער אין דער קינדער-היים אַ דראַמאַטישן קרייז, וועלכן ער רעזשיסירט, און וואָס פירט אויף אין משך פון 1½ יאָר 14 פאָרשטעלונגען. ב. באַזוכט אין וואַרשע דעם לעצטן קלאַס פון דער יידישוועלטלעכער שול (דלוגא 26), פאָרט צוריק קיין ווילנע, און לערנט אַ יאָר אין טעכניקום, באַטייליקט זיך אין דער דראַמאַטישער סטודיע ביי דער קונסט-געזעלשאַפט (רעזשיסאָרן דניאל בעלאַ און דערנאָך אברהם סלאבאדסקאי), און פירט גלייכצייטיק אַליין אָן מיט אַ גאַנצער ריי דראַמאַטישע קרייזן אין ווילנע און פּראָווינץ. ב. באַטייליקט זיך דערויף אין דעם טעאַטער פאַר קינסטלערישע עסקיזן ביי דער קונסט-געזעלשאַפט, זעצט איבער פאַרן דאָזיקן טעאַטער עריך קאַרנס „קאָלאָמבינאַ" און יושקעוויטשעס „זיין אייִדעם". סוף 1923 ווערט ער אַן אַדמיניסטראַטיווער מיטאַרבעטער אין יידישן טעאַטער און הויבט אויך אָן שפּילן פריער ביי סאַמבערגן, דערנאָך ביי מאַרעווסקין, דאַן אַ קורצע צייט אין דער אָפּערעטע מיט קאַדיש און חאַש, אין 1925 — עפּיזאָדן-ראָלן ביי זיגמונד טורקאָוו, דאַן אין אַ חברים-טרופּע, ווידער אין ווילנע מיט קוטנערן, דערנאָך ווידער מיט מאַרעווסקין, ליפּמאַנען און אויף דער פּראָווינץ. דאַן ווערט ב. אַנגאַזשירט פאַרן ריגער „נייער יידישער טעאַטער", וואו ער שפּילט די לעצטע 3 סעזאָנען.

ש. ע. ..

בליי, העלען

[יונה]

געב. 27 דעצ., 1902, אין יפו, ארץ־ישראל. אירע עלטערן זיינען געווען באַזיצער פון אַ באָד. אָנגעהויבן צו לערנען אין „בית־ספר לבנות", און אין 1908 מיט דער גאַנצער פאַמיליע אַריבערגעפאָרן קיין אַמעריקע, וואו זי האָט געענדיקט אַ פּאָבליק-און האַי-סקול. אין דער זעלבער צייט באַטייליקט זי זיך אין די העברעאישע פאָרשטעלונגען, וואָס ווערן איינגעאָרדנט אין ניו־יאָרק.

אין 1920 שפּילט זי אין שניצערס קונסט-טעאַטער די ראָל פון „יאָסעלע" אין דימאָווס „בראָנקס עקספּרעס" און בלייבט אין דעם טעאַטער 2 יאָר. פון דאַן אָן שפּילט זי פון צייט צו צייט אין אירווינג פּלייס, אין האָפּקינסאָן-טעאַטער, ביי געביל, אין 1927 אין פּאָבליק-טעאַטער און אין 1928 אין פּאָלקסטעאַטער.

מ. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע, „מאָ"זש", נ. י. 5 נאָוו. 1926.

בלייך, יהודה

געב. 27 פעב., 1901, אין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע, ביי פּשוטע, פרומע עלטערן. דער פאָטער — אַן אָנגראָ גלאָז-הענדלער.

ביז 11 יאָר געלערנט אין חדר, שפּעטער אין קלויז גמרא מיט תוספות, און גלייכצייטיק — פּריוואַט — דייטש און פּויליש. אָפּט פלעגט ער זיך „גאָרגלען", און מ'האָט געמיינט, אַז ער וועט ווערן אַ בעל-תפלה.

ביים אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה וואַנדערט אויס זיין פאַמיליע, און נאָך אייניקע חדשים קומען זיי אָן אין ווין. דאָרט לערנט ב. ווייטער בערך אַ יאָר אין בית-המדרש.

אין 1915 נעמט מען דעם פאָטער צו מיליטער־דינסט, און דער 14־יאָריקער ב. מוז ווערן דער פרנסה־געבער אין שטוב. ער נעמט זיך צו פאַרשיידענע מלאכות, און פאַרדינענדיק געלט כאַפּט ער זיך אַמאָל אַריין אין יידישן טעאַטער אויף דער פּיעסע „שלום בית". זייט דאַמאָלט ווערט ער אַן אָפּטער באַזוכער אין טעאַטער, אַ בקי אין די פּיעסן, און קען פון אויסווייניק אַ סך ראָלן.

אין 1917 טרעט ב. אַריין אין דראַמאַטישן קלוב פון פאַריין „ציון", און שפּילט דאָס ערשטע מאָל „אהרן שיפער" אין דימאָווס „שמע ישראל" אונטער יעקב מעסטעלס רעזשי. פון דאַמאָלט אָן באַטייליקט ער זיך אין די וועכנטלעכע ליטעראַרישע אויפפירונגען פון מעסטעלס און יצחק דייטשס פּראָפעסיאָנעלע פאָרשטעלונגען.

ב. נעמט אַ קורס אין דיקציע אין דער דייטשער שפּראַך ביים רעזשיסער יוליוס האַלער, און גייט דורך די יידישע דראַמאַטישע שול אונטער י. מעסטעלס לייטונג. בינו לבינו שפּילט ער מיט ליבהאָבער, און טרעט אַריין אין 1920 אין דער „פרייער פאָלקסבינע" אונטער דער דירעקציע פון יצחק דייטש און עגאָן ברעכער, וואו עס שפּילט שפּעטער אויך בן-צבי באַראַטאָוו. צוליב פאַמיליע-סבות פאָרט ב. קיין אַמעריקע. דאָ ווערט ער אין 1921 אַנגאַזשירט אין יידישן קונסט טעאַטער, וואו ער שפּילט קליינע ראָלן.

דאָס דויערט אַזוי 3 יאָר אין פאַרשיידענע טרופּעס. אויפן סעזאָן 1926-25 ווערט ער אַנגאַזשירט אין שילדקרויט-טעאַטער. אין 1926 שפּילט ער ביי געביל. אין 1927 איז ער געוואָרן אַ מיטגליד אין דער יוניע, און באַטייליקט זיך אין אירווינג-פּליים טעאַטער ביי בערטאַ קאַליש, 1928-9 אין קאַסינאָ-טעאַטער אין פילאַדעלפיע און 1929-30 — אין ברוקלינער ראָלאַנד-טעאַטער.

ש. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע, „מאָ"זש", נ. י. 2 מערץ, 1928.

בלייכמאַן, בעטי

[ביילע קאַץ]

[געבוירן 20 יאַנואַר 1874 — געשט. 30 סעפּט. 1929]

געב. 20 יאַנ. 1874 אין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע. פאָטער — אַ סוחר. געלערנט אין שול ביז 15 יאָר און ווען יעקב בלייכמאַן קומט צו זיי אין שטאָט מיט דער טרייטלער טרופּע, נעמט ער זי אַריין אין כאָר, און צוזאַמען פאָרן זיי קיין רומעניע. נאָך דער חתונה מיט ב. מאַכט זי מיט דעם זעלבן עטאַפּ וואָס איר מאַן.

דעם 30 סעפּטעמבער 1929 איז ב. געשטאָרבען אין פילאַדעלפיע פון אַן אויטאָמאָביל-קאַטאַסטראָפע.

ש. ע. פון יעקב בלייכמאַן.

בלייכמאַן, יעקב

געב. 20 מערץ 1870 אין פאָקשאַן, רומעניע. פאָטער — אַ קצב. געלערנט אין חדר און העברעאיש און רומעניש — פּריוואַט. אין עלטער פון 10 יאָר געזונגען אין קינדער-כאָר אין דער פּיעסע „דער פאָדריאַדטשיק". 5 יאָר שפּעטער קומען אין שטאָט פיליפּעסקאָ און זיין פרוי דזשאַנעט, און ב. פאָרט מיט זיי „ווערן אַן אַקטיאָר".

ב. האָט אין משך פון 45 יאָר געשפּילט יידיש טעאַטער אין די פאַרשיידנסטע טרופּעס פון מזרח און מערב אייראָפּע, כינע, יאַפּאַן, אַרגענטינע און אַמעריקע, זייענדיק אויך מערערע מאָל דירעקטאָר און רעזשיסער.

ב. איז געווען דער ערשטער „אליעזר" אין גאָלדפאַדענס „עקדת יצחק".

ב.'ס צוויי טעכטער, מינע אַקסעלראַד און קלאַראַ מאַרגאָלין שפּילן אויף דער יידישער בינע.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער-קאָמיקער.

ש. ע.

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער", ביאַליסטאָק 1921, II, זז. 5-124.

בלייכער, יחזקאל

געבוירן 1884 אין ווערא, ליפלאַנד. געענדיקט אין רוסלאַנד אַ פעלדמעסטער-שול, און געפאָרן קיין איטאַליע, וואו ער האָט שטודירט מאַטעמאַטיק אין דער רוימער אוניווערזיטעט, שפּעטער אַ

געוויסע צייט געהערט לעקציעס אין דער פאַריזער סאָרבאָנע. זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט אָנגעהויבן אין אַמעריקע, און וואוינענדיק אין 1910 אין וואַרשע, האָט ער דאָרט פאַרעפנטלעכט אין אברהם רייזענס „אייראָפּעאישע ליטעראַטור" אַן איבערזעצונג פון די ערשטע סצענעס פון געטעס „פויסט". נאָך דער רעוואָלוציע האָט זיך ב. באַזעצט אין רוסלאַנד.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 6-305.

בלייפער, יעקב

געב. 26 יולי 1901 אין זאַוויערטשע, פּוילן. פאָטער — אַ שניט-סוחר. געלערנט אין חדר און אין דער רעגירונגס-שול. אין עלטער פון 13 יאָר אַוועק קיין בערלין, און דאָרט באַזוכט העכערע אָוונט-קורסן. ב. לערנט צוויי יאָר אין ריינהאַרדס דראַמאַטישער שול, און דערנאָך צוויי יאָר ביי ערנעסטינע מינהיים אונטער דער השגחה פון פּראָפ. לעאָפּאָלד יעסנער. זיין ערשטער אַרויסטריט אין שול איז געווען אין דער ראָל „מאַרטימער" אין שילערס „מאַריאַ סטואַרט". 1920 שפּילט ב. אַ קורצע צייט אין דער „ווילנער טרופּע" אין פּאַריז, פאָרט צוריק קיין בערלין, וואו ער שפּילט אין דייטשן שטאַטס-טעאַטער און באַטייליקט זיך אין ניי-געגרינדעטן „יידישן קינסטלער-טעאַטער" (אזרא), שפּילט אַ קורצע צייט אין דייטשן שוישפּיל הויז, דאַן צוריק אין שטאַטס-טעאַטער, און פאָרט מיט דער „ווילנער טרופּע" קיין אַמעריקע. דאָ גייט ער איבער אין „אונזער טעאַטער", באַטייליקט זיך אין אַ דייטשער פאָרשטעלונג מיט ברעכער און עווא פּיביג, און שפּילט דערנאָך יידיש מיט שילדקרויטן אין בראָנקס.

ב. האָט נאָך אין בערלין זיך באַטייליקט אין אַ סך פילם-בילדער. זייט 1918 באַטייליקט ער זיך אין פילם-אויפנעמונגען אין האָליוואוד.

ש. ע.

בליישטיפט, משה

געבוירן 1892 אין לאָדזש, פּוילן, פאָטער — אַ האַנטווערקער. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך אין אַ חדר-מתוקן, און צו 16 יאָר ענדיקט ער יאַראָטשינסקיס האַנטווערקער-שול. געוואָרן אַן אַנגעשטעלטער אין אַ מאַנופאַקטור-געשעפט און באַטייליקט זיך אין דער „הבימה-העברית". אין 1915 אַריינגעטראָטן אין רעדאַקציע „לאָדזער טאַגעבלאַט", וואו ער האָט אונטערן אייגענעם נאָמען און א"פּ מ. עפרוני, מ. ב., מ. ב—ט, פאַרעפנטלעכט פיל רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער, און איבערזעצט א"פּ ב. שטיפט „לאָיאַליטעט" דראַמע אין 3 אַקטן, 7 סצענעס פון דזשאַן גאַלסוואָרטי, פאַרלאַג „בזשאָזאַ", וואַרשע, 1928 [156 ז. 16°]. ב. האָט אויסערדעם אַרויסגעגעבן פיל איבערזעצונגען אויף יידיש און העברעאיש.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 7-306.

בליפעלד, יצחק

געב. 21 יאנואר 1875 אין יארמעלינעץ, פאד. גוב., אוקראאינע. דער פאטער האט געהאלטן אן אכסניה. געלערנט אין חדר, בית־המדרש און אין א פאלקס־שול. געזונגען ביים „בלינדן חזן" אלס אלט.

די ברידער שווארץ, וועלכע זיינען דאמאלט געפארן מיט זייער קווארטעט איבער רוסלאנד, האבן אים געגעבן דעם אימפולס צו ווערן אן אקטיאר, ווייל ער פלעגט נאכזינגען זייערע לידער, און ווען ער טרעפט אין 1894 אין נאוואסעליץ די טרופע פון דוד שאראוונער, טרעט ער אין איר אריין, און זיין ערשטע ראל איז „דן יצחק אברבנל" אין „די שפאנישע אינקוויזיציע". פון דארט גייט ער אריבער אין דער טרופע פון א. י. קאמינסקי, שפעטער פארט ער ארום מיט די טרופעס פישזאן, ליבערט, ספיוואקאווסקי, מעערסאן, זאנדבערג און ראפעל.

אין 1904 קומט ער אין אמעריקע, ווייל ער וויל דא דערציען זיינע קינדער, און ער הויבט אן שפילן אין פילאדעלפיע ביי טאמאשעווסקי. נאכדעם ווי ער שפילט איבער דער פראווינץ פארט ער אין 1912 שפילן קיין אייראפע, און דערנאך טרעט ער ווידער אויף אין ניו־יארק און אין דער פראווינץ.

אין 1926 שפילט ער אלס איינער פון די יוניע־אקטיארן אין דעם טייל פון דער „ווילנער טרופע" אין ניו־יארקער ליפצין־טעאטער, אין 1928-9 אין דעטראיט און 1929-30 — אין באלטימאר.

אמפלוא — כאראקטער ראלן.

מ. ע.

מ. מיאדאוניק — מיינע טעאטער־זיכרונעס, „דער שטערן", מינסק, 2-3, 1926.

בן-אלי

[מאטיאס גרינבערג]

געב. 25 סעפט. 1893 אין גאלאץ, רומעניע. א זשורנאליסט, מיטארבעטער אין דער רומענישער צייטונג „אדעווערול".

ב. האט אנגעשריבן איבער 10 רעוויוס אויף יידיש, וועלכע זיינען אויפגעפירט געווארן אין רומעניע און אין פאריז צווישן אנדערע — „דורך מוינעשט קיין ארץ־ישראל", „בוקארעסט — ניו־יארק", „וואסווער־וען", „פריילעך אין בוקארעסט".

ש. ע.

בן-גור, א. א.

[אהרן הורוויטש]

געב. בערך 1870 אין ווילנע. געשטאנען נאנט צו דער יידישער ארבעטער־באוועגונג, איבערזעצט בראשורן, וואס זיינען אין כתב־יד פארשפרייט געווארן אין יידישע ארבעטער־קרייזלעך, אויך זיך באטייליקט אין י. ל. פרץ „יום־טוב בלעטלעך". האט איבערזעצט אויף יידיש פון העברעאישן כתב־יד פרץ הירשביינס דראמע „וויטע און נאנטע" (פ"ג „די וועלט", ווילנע, 1906), און הויפטמאנס „וועבער" (פ"ג „די וועלט", 1906).

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, ז. 840.

בן-עמי, יעקב

[שטשירין]

געב. 23 דעצ. 1890 אין מינסק, ווייסרוסלאנד. פאטער — א צימער־מאלער. געלערנט אין חדר און געענדיקט א פריוואט־שול. דערנאך געווען אן עקסטערן. פון דער פריסטער יוגנט געהאט א שטארקע נייגונג צו טעאטער. אלס יינגל געזונגען ביי חזנים, און ווערט אפט מיט די אנדערע כאר־יינגלעך גענומען צו זינגען הינטער די קוליסן פון רוסישן טעאטער.

אין עלטער פון 17 יאר געווארן א סטאטיסט אין רוסישן שטאט־טעאטער (דירעקציע טשערנאוו, שפעטער בעליאעוו), דעם צווייטן סעזאן — פירער פון די סטאטיסטן, און שפעטער אויך שוין באקומען אויפטריט־ראלן מיט ווערטער און אן ווערטער.

זומער 1908 מיטגעפארן מיט דער טרופע סעם אדלער־מעערסאן אלס סופלער, און נאך 5 חדשים, ווען ב. האט שוין אויך געהאט די מעגלעכקייט אויפצוטרעטן אין קליינע ראלן, ווערט ער באפרייט פון אדלערן מיטן מאטיוו, אז „ס'וועט שוין פון אים קיין אקטיאר ניט ווערן". ב. טרעט אריין אין דער טרופע פון טיטעלמאן, וואו ער באקומט שוין גרעסערע ראלן, און נאכדעם ווי ביידע טרופעס ווערן פאראייניקט, שפילט דארט ב. א יאר צייט ביז ער טרעפט זיך אין אדעס מיט פרץ הירשביין, און העלפט אים גרינדן דאס ערשטע יידישע דראמאטישע טעאטער [זע „הירשביין־טרופע"], וואו ער שפילט און רעזשיסירט. נאכדעם ווי די טרופע צעפאלט זיך, רעזשיסירט ב. א קורצע צייט אין ווילנע דעם יידיש־דראמאטישן ליבהאבער־קרייז, וואס איז שפעטער געווארן דער יסוד פון דער „ווילנער טרופע".

1912 ווערט ב. פארבעטן קיין לאנדאן אלס רעזשיסער און פרעמיער אין דער דראמאטישער אפטיילונג פון „פיינמאן קונסט־טעמפל", אבער נאך 4 חדשים פארמאכט זיך דאס טעאטער, און ב. ווערט איינגעלאדן קיין אמעריקע אין דער טרופע פון סערא אדלער, וואו שילדקרויט האט דאמאלט געשפילט. דא טרעט ב. אויף אין „די גרינע מויד", אבער דאס טעאטער פארמאכט זיך כמעט אין מיטן סעזאן. ב. ווערט א מיטגליד אין דער יוניע, און אין 1913 ווערט ער אנגאזשירט צו טאמאשעווסקין ביי וועמען ער טרעט אויף אין דימאווס „אייביקער וואנדערער" אונטערן מחברס רעזשי. 1914 פארט ב. ארום אויף דער פראווינץ מיט קעני ליפצין, פרילינג 1914 פירט ב. אויף אין דהי נייבארהוד פלייהויז מיט א גרופע ליבהאבער פרץ דריי איינאקטערס. 1915 ווערט ב. ווידער אנגאזשירט צו טאמאשעווסקין ביי וועמען עס קומט אים אבער אויס אין משך פון 2 יאר זייער ווייניק צו שפילן, און ער גייט איבער אין ליבערטי־טעאטער, וואו ער טרעט אויף אין א מעלאדראמאטישן רעפערטואר (רעזשי וויינטרויב), און שאפט דארט דעם טיפ „נאטע וואסערטרעגער" אין קאלמאנאוויטשעס „די ווערט פון א מאמע".

1917 ווערט ב. אנגאזשירט צו שווארצן אין אירווינג־פליים־טעאטער, אין וועלכן ס'ווערן צ. א. אויפגעפירט פינסקיס „ליבעס קרומע וועגן" און הירשביינס „פארווארפענער ווינקל", וועלכע באשטימט דעם כאראקטער פון דאזיקן טעאטער.

1919-20 ווערט דורך א גרופע שוישפילער מיט ב. אן דער שפיץ, א דאנק דער מאטעריעלער שטיצע פון לואי שניצער, געגרינדעט דאס יידישע קונסט־טעאטער אין אמעריקע מיט עמנואל ריי-

כער אַלס רעזשיסער, שפּעטער ווערט ב. רעזשיסער פון דער טרו־פּע.

דאָס טעאַטער האָט געטראָגן אַ דאָפּלטן נאָמען: אויף יידיש: „דאָס נייע אידישע טעאַטער", אויף ענגליש (אויפן פאַרלאַנג פון עמנואל רייכער) — „דהי דזשואיש אַרט טהעעטער".

דער רעפּערטואַר פון דעם טעאַטער איז געווען: הירשביין: „פּוסטע קרעטשמע", „גרינע פעלדער", איינאַקטערס. שלום אַש: „מיטן שטראָם", שלום עליכם: „מענטשן", פּינסקי: „שטומער משיח", דימאָוו: „בראָנקס עקספּרעס". הויפּטמאַן: „איינזאַמע מענטשן". טאָלסטאָי: „מאַכט פון פינסטערניש" און אַ באַניי־אונג פון סווען לאַנגעס „שמשון און דלילה".

1920-1 הויבט ב. אָן שפּילן ביי אַרטור האָפּקינס אין ענגלישן טעאַטער, שפּעטער מיט דער ענגלישער טעאַטער-גילד אַלס אַקטיאָר און רעזשיסער.

אין משך פון 1920-9 האָט ב. זיך באַטייליקט פון צייט צו צייט אין גאַסטראָלן אויף יידיש, אין דעם סעזאָן 1926-7 געווען אַקטיאָר און רעזשיסער פון אַ יידישער טרופּע אין אוירווינג-פּליים-טעאַטער, (אונטער דעם נאָמען „דאָס נייע אידישע קונסט-טעאַטער"), אין וועלכן ער האָט אויפגעפירט: „די שיף מיט צדיקים" פון יעווּרע־אינאָוו, רעזשיסירט פון מחבר, בן-עמי און יעקב מעסטעל; „שאָפּ" פון לייוויק, „פון יענער וועלט" פון בערקאָוויטש, אַ סצעניזירונג פון דאָסטאָיעווסקיס „אידיאָט" און אַ באַנייאונג פון „שמשון און דלילה".

ש. ע.

ב. גארין — „געש. איד. טעאַט.", II. זז. 195, 237-45.

י. ענטין — אַ יונגער אַקטיאָר אין אַ גרויסע ראָלע, „דיא וואַרהייט", 6 אָקטאָבער 1917.

א. וויטער'ס שטומער אין נייעם אידישען טעאַטער, „די נייע וועלט", נ. י., 16 אַפּריל 1920.

דר. א. קאַראַלניק — שילדקרויט — בן־עמי, „דער טאָג", 21 נאָוו. 1920.

יואל סלאָנים — בן־עמי דערצעהלט ווי ער האָט געפיהלט ביי זיין ערשטען אויפטריט אויף דער ענגלישער ביהנע, „דער טאָג", נ. י. 19 דעצעמבער 1920.

דר. א. מוקדוני — „טעאַטער", ניו־יאָרק 1927, זז. 6-141.

יעקב מעסטעל — זעקס קוילן־צייכנונגען, „יידיש טעאַטער", וואַרשע 1927, 2 זז. 7-196.

ש. קוטנער — זכרונות וועגן דער הירשביין־טרופּע („טעאַטער זכרונות", רעד. ז. זילבערצווייג, ווילנע 1928), זז. 89-86.

י. שאַמעס — יעקב בן־עמי וועגן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, „ליט"בל", 9, 1927.

אבא ליליען — „שמשון און דלילה"", „אידישע וועלט", פילאַדעלפיע, 5 יוני 1924.

ה. פאַרקער — יעקב בן־עמי און בערטאַ גערסטין, „דאָס אידישע וואָרט", וויניפּעג 28 מאַי, 1926.

דר. א. קאַראַלניק — דייוויד וואָרפיעלד—בן־עמי, „דער טאָג", נ. י., 14 יאַנואַר 1923.

נ. בוכוואַלד — בן עמי'ס טריאומף אין „שמשון און דלילה", „פריי־הייט", 8 אָקטאָבער 1926.

ל. מלאך — יעקב בן עמי און זיין אידיש קונסט טעאַטער, „די פּרע־סע", ב. א., 20 פעברואַר 1927.

נ. בוכוואַלד — וואָס בן־עמי און די שפּילער האָבען אויפגעטאָן אין לייוויק'ס „שאָפּ", „פּרייהייט" 9 דעצ. 1926.

א. גלאַנץ — „שאָפּ", „דער טאָג", נ. י. 10 דעצ. 1926.

אב. קאַהאַן — אַ נייע פּיעסע אין אוירווינג פּליים טעאַטער („שאָפּ"), „פאָרוו." 14 דעצ. 1926.

נ. בוכוואַלד — לייוויק'ס סאָציאַלע דראַמע אין אַן אומגעוויינלאַכער אויפפירונג, „פרייהייט", 8 דעצ. 1926.

א. פרומקין — „שמשון און דלילה" אין אוירווינג פּל. טעאַטער, „דער טאָג", נ. י. 20 אָקטאָבער 1926.

דר. א. מוקדוני — „די שיף מיט צדיקים", „מאָ"זש", נ. י. 22 סעפּט. 1926.

אב. קאַהאַן — יעווּרעאינאָוו'ס נייע פּיעסע אין אוירווינג פּליים טעאַ־טער, „פאָרוו." 21 סעפּט. 1926.

א. פרומקין — „די שיף מיט צדיקים" — אַ שעהנער אינטערעסאַנ־טער טעאַטער־שפּיל, „דער טאָג", 24 סעפּט. 1926.

פּאָמפּאַדור — דראַמע־איין, דראַמע־אויס, „קונדס", נ. י. 20 אָקט. 1926.

דר. א. מוקדוני — שמשון און דלילה, „מאָ"זש", 22 אָקטאָבער, 1926.

א. וואָהלינער — איינדרוקען פון אידישען טעאַטער, „פאָרטשריט", נ. י. 22 אָקטאָבער 1926.

אב. קאַהאַן — בערקאָוויטש'ס נייע דראַמא אין אוירווינג פּליים טעאַ־טער, „פאָרוו." 9 נאָוו. 1926.

שכנא עפּשטיין — אַ ליטעראַרישע מעלאָדראַמע מיט אַן אנשטעל אויף עפּעס מער..., „פרייהייט", 10 נאָוו. 1926.

פּאָמפּאַדור — „פון יענער וועלט", „קונדס", 10 נאָוו. 1926.

דר. א. מוקדוני — פון יענער וועלט, „מאָ"זש", 12 נאָוו. 1926.

ל. קעסנער — פון יענער וועלט, „ייד"ט"בל", 12 נאָוו. 1926.

א. גלאַנץ — „פון יענער וועלט", „דער טאָג", 14 נאָוו. 1926.

Stark Young—"The Flower in Drama", New York, Charles Scribner's Sons, 1925, pp. 40-46.

Rebecca Drucker—The Jewish Art Theatre, "Theatre Arts Magazine", N. Y., v. iv, No. 3, July 1920, pp. 220-24.

Heywood Broun—Ben-Ami Triumphs in His First English Role, "N. Y. Tribune", Nov. 18, 1920.

Alexander Woolcott—The Debut of Ben-Ami, "N. Y. Times" Nov. 18, 1920.

Kenneth MacGowan—Ben-Ami Comes to the American Stage, "N. Y. Evening Globe", Nov. 18, 1920.

Alan Dale—Ben-Ami Makes his English Debut, "N. Y. American", Nov. 18, 1920.

A. Herbst—Ben-Ami in "Samson and Delilah", "N. Y. Star", Nov. 28, 1920.

L. L.—Samson and Delilah, "The Nation", Nov. 28, 1920.

Heywood Broun—As We Were Saying, "N. Y. Tribune", Nov. 21, 1920.

Cliford B. Knight—Ben-Ami "The Billboard", N. Y., Nov. 28, 1920.

Edwin Björkman—The Star Versus the Play, "The Freeman" N. Y., Dec. 8, 1920.

Gladys Hall—As Toward Mecca, "Shadowland", Dec. 27, 1920.

Kenneth Macgowan—Repertory from Jedea, "The Freeman", July 7, 1920.

Carlton Miles—From "Supe" in Russian Theatre to Broadway Star, Jacob Ben-Ami's Career, "The Sunday Journal", Minneapolis, Minn. March 6, 1921.

Percy Hammond—The Theatres, "Chicago Tribune", May 8, 1921.

Alexander Woolcott—Second Thoughts on First Nights, "N. Y. Times", Nov. 28, 1920.

Oliver M. Sayler—Jacob Ben Ami, "Vanity-Fair", September, 1920.

Pierre Loving—Ben-Ami and the Tragic Mask, "The Drama", Chicago, June, 1921.

Harriet E. Wolf—Ben-Ami on the American Stage, "Jewish Immigration Bulletin", N. Y. January, 1921.

[—] Autor "Tajfunu" o Aktorze Zydowskim Ben-Ami, "Nasz Kurjer", Warszawa, 11 Wrz., 1921.

Alexander Woolcott—The Ordeal of Ben-Ami, "Everybody's Magazine", March, 1921.

Lawrence Reamer—"The Idle Inn", "The New York Herald", Dec. 21, 1921.

Kenneth MacGowan—The New Play, "Globe", N. Y., Dec. 21, 1921.

N. B. Zimmerman—This Week "Jewish Post", Winnipeg, May 28, 1926.

Oliver M. Sayler—Great Gotham, "Topics", N. Y., Aug. 25, 1920.

James Whittaker, "The Idle Inn", "Sunday News", Dec. 25, 1921.

בן-ציון, בענעדיקט דר.

[געב. 1839 — געשט. (?)]

געב. 1839 אין הארנאסטאָיפּאָליע, קיעוו. גוב., אוקראַאינע. פאַרבראַכט אייניקע יאָר אין רומעניע, דאַן געפאָרן קיין בערלין, וואו ער האָט זיך אין 1863 געשמדט און אין 1867 גענעדיקט אַלס דאָקטאָר אין ווירצבורגער אוניווערסיטעט. דערנאָך פאָרט ב. קיין ענגלאַנד, וואו ער פאַרבינדט זיך מיט דער בריטישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן דאָס קריסטענטום צווישן יידן, וועלכע שיקט אים אין 1874 קיין רומעניע און אין 1876 קיין אָדעס, וואו ער איז טעטיק אַלס מיסיאָנער און דאָקטאָר. 1886 באַזעצט זיך ב. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און דערנאָך פאָרט ער קיין אַמעריקע, וואו ער בלייבט שוין ביז זיין טויט.

אויסער זיין מיסיאָנערישער טעטיגקייט, וואָס האָט זיך הויפּטזעכליך אויסגעדריקט אין ליטעראַרישער אַרבעט, האָט ב. אויך געשריבן פאַרן יידישן טעאַטער.

לויט ב. גארין האָט מען נאָך אין 1881 [?] אויפגעפירט אין ניו-יאָרק ב.'ס פּיעסע „אסתר פון עין גדי אָדער דער פאַלשער כהן גדול". (נאָך אַ ענלעכער פּיעסע פון סילוויאַ פּעליקאַ.) און אין 1882 (?) ב.'ס פּיעסן: „אַ פאַמיליען דראַמע" אָדער „די פאַלשע קידושין", „דער גרויסער סוד", „דער צבועק" (דער נאָמען פון מחבר איז פאַלש אָנגעגעבן אַלס דעם אַקטיאָר משה זילבערמאַן), „דאָס אייפערזיכטיקע פאָר פאָלק" (איבערזעצט פון דייטש), „די אומצופרידענע גליקלעכע" און „די חלוצה", אין 1889 איז אויפגעפירט געוואָרן ב.'ס פּיעסע „דער גרינער שוסטער" אָדער „דער סיילאָר אין געפאַר".

לעאָן בלאַנק דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז אין 1884 האָט קעסלער אויפגעפירט ב.'ס דראַמאַטיזירונג [איבערזעצונג] פון „זשידאָווקאַ".

באָריס טאָמאַשעווסקי גיט איבער, אַז ב. האָט אים פאַרקויפט צוויי פּיעסן: „די געטויפטע טאָכטער" און „פאַרוואָרפענע קינדער", וועלכע זיינען נאָך ביז היינט ניט אויפגעפירט געוואָרן.

ראובן ווייסמאַן, אַ פערזענלעכער פריינט פון ב. גיט איבער, אַז ב. זאָל האָבן פאַרפאַסט נישט מער ווי 2 פּיעסן. אויף אַ בוך, וועלכעס ב. האָט געשאָנקען וו., האָט ער אים אַ חוץ אַ העברעאישער אויפשריפט, אויך געשריבן פאָלגנדיקע ווערטער אויף יידיש:

„דעם געוועזענעם הארנאסטאפאליער רבנ'ס, דעם געוועזענעם שמש'ס אַ זון. אַצינד אין ניו-יאָרק בעולם ההפוך. דאָקטאָר בענעדיקס (ברוך) בנציון".

מ. ע. פון באָריס טאָמאַשעווסקי און ראובן ווייסמאַן.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 326-7.

ב. גארין — „געש. איד. טעאַט." II (רשימה פון פּיעסן).

דזשייקאָב פּ. אַדלער — באַריהמטע אידישע טהעאַטער־פיגורען אין דעם רוסלאַנד פון אַמאָליגע יאָהרען, „דיא וואַרהייט", נ. י. 1 פעברואַר 1919.

יעקב פּ. אַדלער — „מיין לעבען", „די נייע וואַרהייט", נ. י. 13 אַפּריל 1925.

לעאָן בלאַנק — דוד קעסלער איז זיך נוקם אין אַ שלעכטער פּיעסע, „פאָרוו.", 23 אָקט. 1928.

בעזמאַן, איסר



געב. 1867 אין בערדיטשעוו, אוקראַאינע. עלטערן — מאַנופאַקטור און גאַלאַנטערעי-סוחרים. געלערנט אין חדר און געענדיקט די שטאָטישע שול. אַזוי ווי די עלטערן זיינע זיינען געווען באַזיצער פון אַ צירק-בנין און אַ זומער-גאָרטן מיט אַ טעאַטער, איז ב. נאָך אין דער פריסטער יוגנט געקומען אין באַרירונג מיט יידישע אַקטיאָרן. שפּעטער, ווען ב. איז שוין געווען אַ זעלבסטשטענדיקער סוחר, האָט ער ליקווידירט זיין געשעפט און געוואָרן אין 1893 דער „פינאַנסער" פון בערנשטיינס טרופּע, און באַלד דערנאָך איבערגענומען די טרופּע (פאַרשטאַרקט דורך ספּיוואַקאָווסקי און ש. קרויזע) אויף שכירות. נאָך זעקס יאָר אַרומפאָרן מיט דער דאָזיקער טרופּע אין וועלכער ער האָט אַליין אויך געשפּילט, טרעט ב. אַריין אַלס פאַרוואַלטער ביי קאַמינסקי, און אַרבעט ביי אים זיבן יאָר, דערנאָך גייט ער איבער אַלס פאַרוואַלטער צו זאַנדבערגן אין וואַרשע און לאָדזש. אין קריגס-צייט איז ב. געווען דירעקטאָר פון אַ טרופּע אין אָדעס, כאַרקאָוו, קיעוו, קרעמענטשוג, מינסק.

זייט 1927 איז ב. צוריק אין לאָדזש, וואו ער איז דער איניציאַטאָר פון דאָרטיקן קאָלעקטיוו.

מ. ע.

בעיקער, בעל

געבוירן אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. פאָטער — אַ פּעדלער. אַלס קינד פון 9 יאָר אַריינגעטראָטן אין אַ שאָפּ, וואו זי ציט פעדים.

ב. פלעגט אין דער פריסטער יוגנט באַזוכן דאָס יידישע טעאַטער, „נאָכמאַכן" באַזונדערס דאָראַ ווייסמאַן און לייכט איבערנעמען די פּאָפּולערע טעאַטער-לידלעך, וועלכע זי פלעגט נאָכזינגען. שפּעטער אָנגעהויבן שפּילן פאַר 3 דאָלאַר אַ וואָך אין יידישן וואָדעוויל אין וויקטאָריאַ מיוזיק-האָל אויף קענאָן סטריט, וואו זי האָט אַ גרויסן דערפאָלג.

אין 1908 האָט אַדלער אַ געלעגנהייט זי צו הערן און אַנגאַזשירט זי באַלד אין זיין גרענד-טעאַטער פאַר דער ראָל פון „יינגל" אין גאָרדינס „אָן אַ היים". נאָכן שפּילן אייניקע יאָר אויף דער יידישער בינע, גייט ב. איבער אין ענגלישן וואָדעוויל, וואו זי ווערט שפּעטער אַ „סטאַר" און אין 1929 טרעט זי אַרויס אין דער הויפּט-ראָל אין דער „טאָקי": „דאָס געזאַנג פון ליבע".

ח. יפה — פון אידישען טעאַטער ביז דער ענגלישער וואָדעוויל־ביהנע — איצט אַ טאָקי־סטאַר, „דער טאָג", נ. י. 15 נאָוו. 1929.

סידני גאָרדאָן — בעל בעיקער'ס ערשטע „טאָקי" צום ערשטען מאָל אין ניו יאָרק, „פאָרוו.", 13 נאָוו. 1929.

בעל-מחשבות

[דר. איסידאָר (ישראל) עליאַשעוו]

[געב. 13 סעפּט. 1873 — געשט. 13 יאַנ. 1924]

געבוירן 13 סעפּט. 1873 אין קאָוונע, ליטע. עלטערן — באַזיצער פון אַ מאַנופאַקטור-געשעפט. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך אין דער ישיבה פון די מוסרניקעס אין גראָבין, קורלאַנד. דאָרט אויך געלערנט חכמות חצוניות: דייטש, געאָגראַפיע, אַריפמעטיק. אויס פּראָטעסט און נקמה-געפיל קעגן די משגיחים פון דער ישיבה האָט ב. מחלל שבת געווען בפרהסיה און דעריבער צוזאַמען מיט זיין ברודער געמוזט פאַרלאָזן גראָבין. איצט לערנט ב. אונטערן פאָטערס השגחה ביי פאַרשיידענע גרויסע מלמדים, אָבער סוף-כל-סוף געלינגט אים זיך אַרויסצורייסן פון דער היים אין דער גרויסער וועלט אַריין. ער פאָרט אין דער שווייץ, וואו ער ענדיקט אַ רעאַל-שול, שטודירט דערנאָך מעדיצין אין די אוניווערזיטעטן פון היידעלבערג און בערלין און ווערט אַקטיוו אין די דאָרטיקע סטודענטישע קאָלאָניעס.

אין היידעלבערג האָט ב. פלייסיק געלערנט און פיל געלייענט, נאָכפאָלגנדיק אַלע מאָדערנע דערשיינונגען אין דער ליטעראַטור, טעאַטער און מוזיק. 1897 — דעביוטירט מיט איניקע האַלב-בעלעטריסטישע זאַכן אין אַ יידישער צייטונג אין רומעניע, דערנאָך אין דייטשע און רוסישע צייטשריפטן. 1899 — פאַרעפנטלעכט אין „דער יוד" אַן אַרטיקל וועגן מאָריס ראָזענפעלד א"פ „איס. על.", דערנאָך איניקע יאָר געשריבן קריטישע אַרטיקלען אין „דער יוד" און „די יודישע פאַמיליע" א"פ „גר-צדק" און שפּעטער א"פ „בעל-מחשבות", מיט וועלכן ער האָט זיך באַרימט געמאַכט אַלס איינער פון די חשובסטע און מאָסגעבנדסטע יידישע קריטיקער.

אַרום 1899 האָט ב. זיך באַזעצט אין וואַרשע. 1905 — אָפּגעגעבן דעם מלוכה-עקזאַמען אויפן רעכט צו פּראַקטיצירן אַלס דאָקטאָר-מעדיצין אין רוסלאַנד, האָט ער אויך דאַמאָלט באַטראַכט זיין מעדיצינישן באַרוף אַלס בייזאַך און זיך אָפּגעגעבן דערהויפּט מיט ליטעראַטור. 1906 — אַ געוויסע צייט געלעבט אין ווילנע, דערנאָך אַלס פּראַקטיצירנדיקער דאָקטאָר אין קאָוונע, שפּעטער אין ריגע, פון 1912 — אין וואַרשע. בעתן אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה איז ב. מאָביליזירט געוואָרן אַלס מיליטערישער דאָקטאָר. שפּעטער געוואוינט אַ געוויסע צייט אין מאָסקווע, פּעטערבורג, קיעוו, מינסק, אין 1920 ווידער זיך באַזעצט אין קאָוונע, און 1921 — אַריבערגעפאָרן קיין בערלין. צוליב דעם רואינירטן געזונט איז ב. געצוואונגען צו קורירן זיך אין פאַרשיידענע קור-ערטער פון דייטשלאַנד און איטאַליע. דאָ ערנסט קראַנק געוואָרן, פאָרט ער צוריק קיין קאָוונע, וואו ער שטאַרבט דעם 13 יאַנואַר 1924.

די לויה איז פאָרגעקומען אויפן חשבון פון דער אָרטיקער יידישער קהלה — די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון קאָוונע האָט זיך אין איר באַטייליקט.

ב. האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום יידישן טעאַטער און פלעגט אָפט שרייבן וועגן דראַמאַטורגן, אַקטיאָרן און אויפפירונגען. אין זיינע „געקליבענע שריפטן", ווילנע 1910 (ערשטער באַנד) געפינען זיך באַזונדערע אַרטיקלען וועגן דוד פּינסקי אַלס דראַמאַטורג און וועגן אַשס „משיחס צייטן", אין צווייטן באַנד (זז. 100-95), אַ גרעסערער אַרטיקל „דאָס יידישע טעאַטער" און אַן אַרטיקל וועגן יושקעוויטש אַלס דראַמאַטורג און אין דריטן (זז. 78-71) אַ גרעסער אַרטיקל „צו דער יודישער טעאַטער-פראַגע". ער האָט אויך אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבן געשריבן איניקע אַרטיקלען וועגן יעקב גאָרדין אַלס דראַמאַטורג.

ב. איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע מיטאַרבעטער פון פּרץ און ווייטער צו שאַפן אַ יידיש קינסטלעריש טעאַטער אין רוסלאַנד און דערנאָך אויך געווען איינער פון די ערשטע איניציאַטאָרן צו שאַפן דאָס יידישע קונסט-טעאַטער (שפּעטער „קאַמער"- אָדער „מלוכה-טעאַטער") אין מאָסקווע.

כאַראַקטעריסטיש פאַר ב.'ס „אני-מאמין" וועגן יידישן טעאַטער זיינען פאָלגנדיקע שטעלן פון זיינס אַן אַרטיקל: „איטלעכעס מאָל, ווען מען רעדט וועגן יידישן טעאַטער, רעדט מען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, זיך נישט אָפּגעבנדיק קיין חשבון וועגן פּובליקום פאַר וועמען דאָס טעאַטער איז באַשאַפן געוואָרן. ביי יידן, ווי ביי אַלע אַנדערע קולטור-פעלקער, זיינען פאַראַן פאַרשיידענע טעאַטער-פּובליקומס. די גרויסע מאַסע פון פאָלק האָט ליב שונד און זוכט אויס אַזאַ טעאַטער און אַזאַ שטיק, וואו זיין שונד-געשמאַק זאָל קאָנען געפינען אַ באַפרידיגונג. אַ קלענערער טייל פון טעאַטער-פּובליקום וויל שוין אַ מעלאָדראַמע, אַ בעסער פאָלקס-שטיק און אַזאַ פּובליקום געפינט איר [זיין] געשמאַק אין י. גאָרדינען אָדער אין די שרייבער, וואָס אַרבעטן אויף זיין שטייגער. ווידער איז דאָ אַ פּובליקום — פון העכערע אינטעליגענץ פון פאָלק — וואָס האָט אַ גוסט און אַן אינווייניקסט באַדערפעניש צו אַ גוטער עכטער דראַמע, מעג עס זיין פון אַ היינטיקן אָדער פון אַ פאַרצייטיקן גרויסן דראַמאַטורג. אָט דידאָזיקע יידישע אינטעליגענץ האָט נאָך ניט איר אייגענעם טעאַטער און איז געצוואונגען צו באַפרידיקן איר חשק צו אַ גוטן שטיק, וואָס ווערט גוט געשפּילט, אין פרעמדע טעאַטערס אויף אַ פרעמדער שפּראַך. ...איך בין צופרידן מיטן איצטיקן יידישן טעאַטער און הייב ניט אָן צו פאַרשטיין די קלאַגען [? קלאָגען] פון מאַנכע פון אונזערע שרייבער, וואָס פאַרלאַנגען דורכאויס, אַז אין וואַרשע אָדער אין ניו-יאָרק זאָל זיין אַ יידישער טעאַטער ווי למשל „דאָס דייטשע טעאַטער" אין בערלין אָדער „אָדעאָן" אין פּאַריז. איך געפין, אַז וואָס אַנבאַלאַנגט דער טעאַטער-פראַגע האָט די יידישע מאַסע, ניט וואַרטנדיק אויף די עצות פון דער אינטעליגענץ, זיך באַשאַפן דאָס, וואָס זי וויל און וואָס זי פאַרלאַנגט. איי וואָס מיר האָבן ניט קיין טעאַטער, וואָס זאָל באַפרידיקן אונזער העכערע אינטעליגענץ? דערין איז ניט שולדיק דאָס יידישע פאָלק, נאָר די יידישע אינטעליגענץ אַליין. ... ניט דאַדורך, וואָס מען וועט שפּילן אַ העכערן רעפּערטואַר פאַר דאָס גאָרדינשע פּובליקום, וועט מען האָבן די עכטע דראַמאַטישע קונסט, נאָר דורכדעם וואָס אַ העכער געבילדעטעס פּובליקום וועט פאַרלאַנגען די באַפרידיקונג פאַר איר דראַמאַטישן געשמאַק אין אַ יידישן טעאַטער און דאָס קאָן נאָר דאַמאָלט זיין, ווען דאָס געבילדעטע פּובליקום וועט אָנהייבן צו פאַרשטיין, דאָס בנוגע צו דער שפּראַך איז עס אָרימער ווי דער אָרימסטער פעדלער".

אין אַ צווייטן אַרטיקל שרייבט ב. צ"א: „ביי אונז יידן האָט נאָך דערווייל א י י ן געזעלשאַפטס-קלאַס זיך געשאַפן אַ טעאַטער. אַלע איבריקע קלאַסן באַפרידיקן זייער גוסט צום טעאַטער אויף פרעמדע שפּראַכן.

דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע פאַרווילונגען. אין די פאַרווילונגען נעמט די אינטעליגענץ, ווי די רייכע בורזשואַזיע, קיין שום אַנטייל ניט, אָבער אַ דעה זאָגן ווילט זיך איר גאָר שטאַרק. באַזונדערס ווילט זיך דאָס אַ טייל פון אונזער אינטעליגענץ, וואָס האָט די נאַאיווע פאָרשטעלונג, אַז איר געשמאַק, איר מיינונג, איז די איינציקע ריכטיקע. אָט דער דאָזיקער טייל וויל נישט וויסן פון קיין פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז.

... וויל מען אָבער פאַרט באַשאַפן אַ צווייטן טיפּ פון אַ יידישן טעאַטער — דאַרף מען ניט זוכן צו ענדערן דעם רעפּערטואַר אין יידישן פאָלקס-טעאַטער, נאָר מען מוז זיך באַשאַפן אַ במה לעצמו.״

ז. רייזען — „לעק. ייד. ליט״ II, זז. 744-766.
בעל-מחשבות — געדאַנקען וועגן טעאַטער, „טעאַליט״, נ. י. 4, 1924.
אב. קאהאַן — „אין די מיטעלע יאָהרען״ ז. 527.
דר. א. מוקדוני — בעל-מחשבות און דאָס אידישע טעאַטער, „מא״זש״, נ. י. 18 יאַנואַר 1924.

בעל, אַדאָלף

[אברהם ביעלאָצערקאָווסקי]

געב. 4 סעפּט. 1886 אין אומאַן, קיעווער גוב., אוקראַאינע. פאָטער — אַ תבואה-סוחר. אין 1895 טראָגט זיך ב.׳ס פאַמיליע אַריבער קיין יעקאַטערינאָסלאַוו. דאָרט לערנט ב. אין גימנאַזיע, און באַזוכט רוסישע און יידישע פאָרשטעלונגען. ב. פאָרט דאַן קיין אַלעק-סאַנדראָווסק פאָרטזעצן זיין סטודיום און דאָ גרינדעט ער אַ דראַמאַטישן קרייז, וועל-כער שפּילט אויף רוסיש. וועלנדיק זיין נאָנט צום טעאַטער, ווערט ער אַ שיק-ייִנגל ביים פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, און פאַרטרעט אַמאָל אַ קראַנקן אַקטיאָר אַלס „וואַסערמאַן״ אין הויפּטמאַנס „פאַרזונקענער גלאָק״. דער פאָטער נעמט אים צוריק קיין יעקאַטערינאָסלאַוו און עפנט אים אַ טאַבאַק-געשעפט, אָבער ווען די יידישע טרופּע פון זשיטאָ-מירסקי קומט אַהין גאַסטראָלירן, אַנטלויפט ב. מיט איר און טרעט אויף אַלס „ראָדזשעראָ״ אין „זשידאָווקאַ״. אין 1905 טרעט ער אַריין אין דער טרופּע בערנשטיין, וואו ער שפּילט אַ יאָר פאַט-ראָלן, דערנאָך פאָרט ער קיין אַמעריקע. שפּילט אַ קורצע צייט ביי לעוויטאַן אין באָסטאָן און דערנאָך אין קאָלאָמביא-טעאַטער, פאָרט אַרום איבער דער פּראָווינץ וואו ער באַטייליקט זיך אין די גאַסטראָלן פון אַדלערן. אין 1908 צוריקגעפאָרן קיין אייראָפּע, און אַריינגעטראָטן צו טאַנענצאַפּ. פון דאָרט גייט ער איבער צו ב. האַרט ביי וועמען ער שפּילט 7 יאָר. פאָרט צו זיגלער קיין ווין, איז דאָרט גלייכצייטיק אַ הויזן-שניידער און אַ סוחר מיט שמאַ-טעס. 1924 שפּילט ב. אַ קורצע צייט אין פּאַריז און בעלגיע, 1926 — אין בודאַפּעסט (שטראַמערס טרופּע), 1927 — יוגאָ-סלאַוויע, 1928 — אַ קורצן טורנע איבער טשעכאָ-סלאָוואַקיע און אין ווין.

מ. ע.

בעל, צילע

[חנה צירל ביעלאָצערקאָווסקי]

געב. 15 נאָוו. 1911 אין ניי-סאַנדעץ, גאַ-ליציע. פאָטער — דער אַקטיאָר אַדאָלף בעל. געלערנט אין אַ בירגער-שול. אָנגעהויבן אַלס קינד פון 5 יאָר צו שפּילן קינדער-ראָלן אויף דער יידישער בינע, און אין 1926 אנגעהויבן שפּילן אַלס סוברעטין אין ווין.

ש. ע.

בעלינסאָן (ביילינסאָן) משה-אליעזר

[געב. בערך 1835 — געשט. ...19]

געב. בערך 1835 אין אָדעס, אוקראַאינע. אין 1855 פּראָיעקטירט אַרויסצוגעבן אַ העברעאישע צייטונג פאַר די רוסישע יידן, דער-נאָך אַרויסגעגעבן 4 נומערן פון זיינע זאַמלהעפטן „עלי הדס״, געהאַלטן אַ דרוקעריי אין אָדעס, און לסוף געוואָרן דירעקטאָר פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין רוסלאַנד „קול מבשר״, וואו ער פאַרעפנטלעכט אויך אַרטיקלען. אויסער אַ ריי ווערק אין העברעאיש האָט ב. איבערזעצט אויף יידיש: „גבורות יהודה מכבי״ אָדער „נס חנוכה״ (חנכה-שפּיעל) — אַ דראַמע אין פינף אַקטען פון לאָנגפעללאָ, לויט דער רוסישער איבערזעצונג (אָדעס 1882), מ. ח. לוצאַטאָס „לישרים תהלה״ (וואָס זאָל זיין פאַרבליבן אין כתב-יד) און אַרויסגעגעבן נאָך אַנדערע יידישע ווערק.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״ I, זז. 328-30.

בעללויה, הירש גדלי׳

[בעלאו — בעללאה]

לויט דער „איזראַעליטאַ״ 3, 1868, „האָט דעם 24 אָקט. 1868 אָנ-געהויבן שפּילן אין וואַרשע אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ, אין אַ ספּע-ציעל אויפגעבויטן בנין, אַ „טרופּע פון יידישע אַרטיסטן אונטער דער דירעקציע פון בעלאו״.

די ערשטע פאָרשטעלונגען, וואָס די טרופּע האָט געגעבן, איז גע-ווען אַ ביבלישע דראַמע „יעקב מיט זיינע זין״ פון בעללאו, גע-שפּילט אין משך פון 2 אָוונטן.

לויט דער מיינונג פון רעצענזענט פון דער אויבנדערמאָנטער צײ-טונג, האָט דער דירעקטאָר בעלאו, אויפן גרונד פון אויסוואַל פון די סצענעס און זייער צוזאַמענשטעל, אַרויסגעוויזן אַ געוויסע פאַך-קענטניש און אפילו ניט ווינציק דראַמאַטיש פאַרשטענדניש.

לויט דער רעצענזיע פון וואַרשעווער קאָרעספּאָנדענט פון דער ענגלישער “Pall Mall Gasette” (26 דעצ. 1868) זיינען די מעלאָדיעס צו די לידער אין דער פּיעסע גענומען פון אַזעלכע קאָמ-פּאָזיטאָרס ווי מייערבער, מאָצאַרט א. א.

אַ קאָרעספּאָנדענט פון רוסיש-יידישן וואָכנבלאַט „דיען״ [„דער טאָג״] אין אָדעס, באַשרייבט אַ פאָרשטעלונג פון דאָזיקן טעאַטער פון 5 נאָוועמבער 1870 אויף וועלכער מ׳האָט אויפגעפירט די היס-טאָרישע דראַמע „יהודית״ אין 4 אַקטן מיט געזאַנג פון בעלאו.

לויט דר. יעקב שאַצקי איז אַנאָנסירט אויפן 15 מערץ 1870 צום בענעפיס פון אַרטיסט ד. שוואַרצבאַרט [דער פאָטער פון אַקטיאָר גוסטאַוו שוואַרצבאַרד], די פּיעסע „די יידן אין מדבר״ [פאַרפאַסט פון ?] אין צירק ראַפּפּאָ.

דר. שאַצקי, ברענגענדיק די אַלע דאַטן אין זיין אַרטיקל „יידיש טעאַטער אין וואַרשע פאַר אברהם גאָלדפאַדען״ („יידיש טעאַטער״ 3-4, 1927) איז ניט זיכער אויב די פּיעסן זיינען ווירקלעך פאַר-פאַסט געוואָרן פון בעלאו און ער איז אויך מסופּק אויב דער דאָ-זיקער בעלאו [דר. שאַצקי שרייבט בעלוא] איז אידענטיש מיט גדלי בעללאה, וועלכער האָט אין 1857 אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אַ ביכל א״נ „פון שטערן אָדער קאָמעט״ (32 ז.), „וואָס איז ייִזוי-שיסטיש אין גייסט און נוסח״.

ווען מען נעמט אָבער אין אַכט, אַז אין 1867 האָט הירש גדלי׳ בעללויה אַרויסגעגעבן אין דרוק זיין פאַרשטאַר-בענעם ברודער שלמה בדחנס פּיעסע „מאזעס״ „מיט נייע צו-גאַבען״, איז דייטלעך צו זען, אַז הירש גדלי׳ בעללויה האָט גע-

האט א גרויסן אינטערעס צום יידישן טעאטער, און איז אויך געווען א שרייבער, ווי עס באווייזט זיין אייגן ביכל, און די הוספות זיינע צו זיין ברודערס פיעסע.

הירש גדלי בעללאה — גדלי בעללאה און בעלאו זיינען דעריבער איין פערזאן, און א חוץ א שרייבער און דראמאטורג, איז ב. אויך געווען דער דירעקטאר פון א טעאטער אויף יידיש אין די יארן 1868-70 אין ווארשע.

דר. יעקב שאצקי — צושטייער צו דער געשיכטע פון דעם פאר־גאלדפאדענישן טעאטער. „יידיש טעאטער", ווארשע, 3-4, 1927.

י. צינבערג — נאך וועגן יידישן טעאטער אין ווארשע, „ליט"בל" 19, 1928.

זלמן זילבערצווייג — וועגן די אומבאקאנטע יידישע דראמאטורגן, „פנקס", ניו יארק I, 1929.

בעלערינא, בעלא

[רובינליכט]

געב. 15 יולי, 1898, אין ווארשע, פוילן. שטאמט פון די בארימטע און אלטע יידישע משפחות אין פוילן: ווינאווער־רובינליכט.

צו 17 יאר געענדיקט א 8 קלאסיקן פרויען־אינסטיטוט אין ווארשע, דערנאך באזוכט די העכערע פעדאגאגישע קורסן ביים ווארשעווער אוניווערזיטעט.

נאך אלס שילערין אין אינסטיטוט פלעגט זי זיך באטייליקן אין די שול־פארשטעלונגען און אזוי ארום האט זיך ביי איר אנטוויקלט א שטארקע נייגונג און ליבע צו דער בינע.

מיט דער כונה צו ווערן א פוילישע אקטריסע איז זי אין 1916 אריינגעטראטן אין דער ווארשעווער דראמאטישער רעגירונגס־שול, און האט דארט דורכגעמאכט די קורסן. אונטער דער השפעה פון דוד הערמאן ווערט זי אין דער זעלבער צייט א מיטגליד פון דער דראמאטישער סעקציע ביים ווארשעווער „הזמיר" און שפעטער פון „ארטיסטיש ווינקעלע".

איר ערשטע ראל אויף יידיש איז געווען „פאניטשקע" אין שלום־עליכםס „מענטשן". ה. ד. נאמבערג ציט די אויפמערקזאמקייט אויף איר שפילן.

אין 1918 ווערט ב. א מיטגליד אין דער „ווילנער טרופע" מיט וועלכער זי מאכט מיט דעם טורנע איבער אייראפע.

אין 1924 קומט זי אין אמעריקע מיט דער „ווילנער טרופע" און א יאר שפעטער ווערט זי אריינגענומען אין דער אקטיארן־יוניע. אין 1925 שפילט זי אין שווארצס קונסט־טעאטער, אין 1926 אין פאלאס־טעאטער אין שיקאגא, און אין 1927-8 אין האפקינסאן־טעאטער אין בראנזוויל.

אמפלוא — יוגנטלעכע דראמאטישע ראלן.

ש. ע.

בעסאראבאוו, מישע

[איטעלסאן]

געב. 6 מערץ 1894 אין סאראקי, בעסאראביע. עלטערן — באזיצער פון א גאראלניע, טראגן זיך אריבער קיין קעשעניעוו, וואו ב. לערנט אין דער רעאל־שול, און באקומט פאר זיינע צייכנונגען א מעדאל פון דער קונסט־אקאדעמיע אין פעטערבורג. יידישע למודים געלערנט ביים שריפטשטעלער ז. הללס.

נאך אלס קינד פון 9 יאר באטייליקט זיך ב. אין דער רוסישער אויפפירונג פון פושקינס „קארגער ריטער", און שפעטער, בעת ער לערנט אין דער רעאל־שול — אין די שול־פארשטעלונגען. זייענדיק אין מאסקווע האט ב. געלערנט אין דער קייזערליכער טעאטער־שול אונטער דער לייטונג פון גאריעוו און אוכאוו, און אין טעכניקום.

ב. טרעט דאן אריין אין דער רוסישער טרופע פון באסמאנאוו, מיט וועלכן ער שפילט דריי זומערס אין סמאלענסק, 3 חדשים אין פאלטאווע און 2 ווינטער־סעזאנען אין אדעס. זומער 1915 שפילט ב. אויף א טורנע מיטן מאסקווער קליינעם מלוכה־טעאטער (סאמבאטאוו), ווערט מאביליזירט און געשיקט אויפן קאווקאזער פראנט, וואו ער ווערט אייניקע מאל פארוואונדעט.

אין 1918 טרעט ב. אריין אין דער יידישער טרופע פון שיין אין קעשעניעוו, אבער ער ווערט באלד ווידער מאביליזירט, און גייט דערנאך איבער אין דער רוסישער אפערעטע אין אדעס. דא לערנט ער 2 יאר אין קאנסערוואטאריע און בעת די באלשעוויקעס נעמען איבער די מאכט, גייט ער איבער צו דער דראמע אין רויטן ארמיי־טעאטער א"נ פון סווערדלאוו, און ווערט געשיקט אלס לייטער און רעזשיסער פון טעאטער אויפן בעסאראבער פראנט. נאכן פראנט־ברוך וואנדערט ב. איבער בעסאראביע, ווערט רעזשיסער און אנפירער פון א רוסישער דראמאטישער טרופע, עפנט די אפער־דראמ. סטודיע אין „דאם פאלסקי", וואו ער ווערט דער אנפירער פון דער דראמאטישער אפטיילונג און לערער פון דיקציע און דעקלאמאציע אין גימנאזיע. סוף 1920 פירט ב. אויף אויף יידיש פאר דער יידישער „קולטור־ליגע" אשם „מיטן שטראם".

אין 1921 פארט ב. צוליב מיליטעריש סיבות קיין אמעריקע, וואו ער ווערט אנגאזשירט ביי בערנארד יאנג אין ליבערטי־טעאטער, 1922-3 שפילט ב. אין וואדעוויל מיט רוסישע „ליבהאבער", ארבעט 2 יאר אלס אנגעשטעלטער אין „האיאס", 1925-6 — שפילט ב. ביי דזשוליוס נאטאנסאן אין באסטאן, 1926-7 — א קורצע צייט אין לענאקס־טעאטער, טוט פארשיידענע מלאכות, 1927-8 שפילט ב. אין טאראנטא, וואו ער איז אויך דער לייטער פון כאר אויף די זונטאקדיקע אפן־פארומס, 1928-9 — אין וויניפעג און 1929-30 — אין פיטסבורג.

מ. ע.

בעקלער, מאקס

אין 1915 איז אין אמעריקע אויפגעפירט געווארן ב.'ס לעבנס־בילד „וועמענס קינד".

ב. גארין — „געש. איד. טעאט." (רשימה פון פיעסן).

בעקער, ראָזא

[זילבערט]

געב. פּסח 1892 אין גראָדזיסק, פּוילן. פֿאָטער — אַ רבי. צו 14 יאָר חתונה געהאַט מיט איר קוזין דעם אַקטיאָר קאַלינסקי, און אַריינגעטראָטן אין כאָר צו בערנשטיינען, וואו זי שפּילט 2 יאָר ביז עס קומט אָן דער אַקטיאָר בעקער און נעמט זיי אַריין צו זיך אין טרופּע אַלס סוברעטין. נאָך איר מאַנס טויט האָט זי חתונה מיט ב., פֿאָרט אַרום אַ לענגערע צייט מיט בעקערס טרופּע איבער רוסלאַנד, גאַליציע און פּוילן. אין 1924 קומט ב. אין אַמעריקע, וואו זי שפּילט צו סעזאָנען אין דעטראָיט, מאָנטרעאַל און וויניפּעג און פון צייט צו צייט אין ניו-יאָרק.

מ. ע.

בעקערמאַן, בעריש



געבוירן בערך 1854 אין זאַמאָשטש, לובלינער גוב., פּוילן. פֿאָטער — אַ צוקער-בעקער. געלערנט אין חדר און ווערנדיק צו 10 יאָר אַ יתום, פֿאָרט ב. קיין וואַרשע, וואו ער גייט אַריין אַרבעטן צו אַ צוקער-בעקער. איינִיקע יאָר שפּעטער ווערט ער אויך אַ מיט-זינגער אין כאָר פון די „בראָדערזינגער", וועלכע טרעטן אַרויס אין גאָרטן פון וואָלף ליטוואַקס הויף (פראַנטשישקאַנער 36), וואו עס געפינט זיך אויך די בעקעריי.

ווי ב. גיט איבער, האָט זיך דאָס „טעאַטער" געפונען אויפן צווייטן הויף פון זעלבן הויז, אין אַ גאָרטן. דאָס „טעאַטער" איז באַשטאַנען פון אַ הילצערנעם בנין, אין וועלכן מען האָט ספּעציעל געמאַכט אַ קרומע גאַלערעע פון ברעטער. די סצענע: אַ גלייכע פּלאַטפאָרם, אויף וועלכער עס פלעגט אַרויסטרעטן דער אַקטיאָר מיט צוויי זינגער פון ביידע זייטן, בעת די אַנדערע זינגער און אַקטיאָרן פלעגן זינגען פון הינטער די „קוליסן".

די טרופּע איז באַשטאַנען פון די אַקטיאָרן אהרן טאגער (דער דירעקטאָר), קאָפּקע-דובינסקי, שמוליאַק, חיימאָוויטש, מאַקס בלומענפעלד און פון די כאָריסטן [די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן] בערל בערנשטיין, מאַקס גאָלדבערג, אברהם-יצחק טאַנצמאַן, שליפּערשטיין און בעריש בעקערמאַן.

אַ בילעט האָט געקאָסט 5 קאָפּיקעס. יעדע וואָך האָט מען געשפּילט אַן אַנדער פּראָגראַם.

אויף וויפיל ב. געדענקט, איז אויפן וואַנט פון דרויסן פון „טעאַטער" געהאַנגען אַ פּראָגראַם מיט אַזאַ אינהאַלט:

„איך שעם זיך אויסצוזאָגן", געזונגען פון אהרן טאגער.

„ברכי נפשי", געזונגען פון שמוליאַק:

„דער שפּיגל מיטן זייגער", געזונגען פון חיימאָוויטש און אהרן טאגער.

„אז ישיר", געזונגען פון מאַקס בלומענפעלד.

„די באָרד זאָל מיר זיין", געזונגען פון חיימאָוויטש.

„דער חסיד מיטן דייטשל", געזונגען פון שמוליאַק און טאַגער.

„פיר פּאָר פּאָרצעלייענע טעלער"
„די גבורי ישראל"
„די דריי טויבע"
„די שוועבעלעך"

(געשפּילט און געזונגען פון דער גאַנצער טרופּע.)

די פאָרשטעלונגען פלעגן זיין זייער גוט באַזוכט אַזוי, אַז באַלד איז דער פּרייז פון די בילעטן פאַרדאָפּלט געוואָרן. אַ קורצע צייט דערנאָך האָט די טרופּע אויפגעפירט „שמענדריק", שפּעטער „די באָבע מיטן איינִיקל", „די כשופמאַכערין", „ביידע קוני-לעמעל" און איז פון וואָלף ליטוואַקס גערטנדל אַריבערגעגאַנגען אין טעאַטער אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ.

פון די „בראָדערזינגער" גייט ב. איבער צו גראַדנער, וועלכער שטעלט צוזאַמען אַ טרופּע (ישראל און אַנעטאַ גראַדנער, בערל בערנשטיין, טאַנצמאַן, שליפּערשטיין, יוסף טויבערט, מאַקס גאָלדבערג) פאַר דער פּראָווינץ. דאָ טרעט אַרויס ב. שוין אין ראָלן א"פ ב. בערקאָוויטש. צוליב פאַמיליע-סבות פאַרלאָזט ער אָבער די טרופּע און פאָרט צוריק קיין זאַמאָשטש, וואו ער עפנט אַ קאָנדיטאַריי, און שרייבט „אין פרייער צייט" ראָמאַנען, דערציילונגען א. ד. ג.

ב. האָט, לויטן מוסטער פון „פּריזם בלעטלעך", אַרויסגעגעבן „דער יודישער שפּיגעל, אַ זאַמלונג פון פערשיעדענעס, הערויסגעגעבען פון דובעריש הלוי בעקערמאַן, ערשטעס העפט, וואַרשא תרנ"ה". דאָס העפט האַלט 64 זייטן צו 2 שפּאַלטן, 16°. אונטער זיין אייגענעם נאָמען ווי אויך א"פ דר. בואי בשלום, שר האופים, בערקאָוויטש און בן-בית דרוקט דאָרט ב. זיינע דערציילונגען, לידער, וויצן, איבערזעצונגען און פעליעטאָנען. אַ יאָר שפּעטער האָט ב. אַרויסגעגעבן אַן ענלעכע זאַמלונג א"נ „בלומען צום יודישען שפּיעגעל". אויסערדעם האָט ער פאַרעפנטלעכט „ר' בצלאַליקע מלמד, אַ וואַרשעווער מעשה פון היינטיגען יאָהר 1895, פערפאַסט פון דובעריש הלוי בעקערמאַן, וואַרשא תרנ"ד," [18 ז. 16°] און „דיא גליקליכע הויזען, אַ וואַהרע ערצאַהלונג, פערפאַסט פון דובערוש הלוי בעקערמאַנן אויס זאַמישטש. וואַרשא תרנ"ה," [31 ז. 16°]. אין צווייטן בוך פון ספּעקטאָרס „דער הויזפריינד" האָט ב. אויך פאַרעפנטלעכט אַ ליד „אַ וואָכענדיגער חלום" און אַנעקדאָטן.

אויף דער איניציאַטיוו פון קאַמינסקי, וועלכער קומט אין זאַמאָשטש שפּילן מיט זיין טרופּע, באַאַרבעט ב. אַן אייגענעם ראָמאַן אַלס פּיעסע א"נ „די פרומע מערדערין", קאָמעדיע-דראַמע, וועלכע ווערט איינִיקע יאָר שפּעטער אויפגעפירט אין וואַרשע דורך די טרופּעס פון קאַמינסקי און קאָמפּאַניעץ. צוליב די שלעכטע געשעפטן אין זאַמאָשטש פועלט אויך קאַמינסקי אַז ב. זאָל ביי אים איינִיקע מאָל אויפטרעטן אין זיין געשפּילטן גאָלדפאַדען-רעפּערטואַר.

דעם 30 סעפּטעמבער ...190 איז אין וואַרשעווער מוראַנאָווער טעאַטער א"ד פון א. ג. קאָמפּאַניעץ אויפגעפירט געוואָרן ב.'ס היסטאָרישע אָפּערעטע אין 4 אַקטן, 5 בילדער „די אנוסים אין שפּאַניע".

1914 איז ב. געקומען אין אַמעריקע, וואו ער איז באַשעפטיקט אַלס צוקערבעקער. דעם 1 נאָוועמבער 1926 האָט ב. אַרויסגעגעבן דעם ערשטן נומער פון „דער גרינער וועגווייזער", מאָנאַטלעכער זשורנאַל, ערשטער נומער, אַרויסגעגעבן פון ב. בעקערמאַן." דער גאַנצער נומער איז אויסגעפילט מיט ב.'ס חבורים. צ"א פאַרעפנטלעכט ער דאָרט „מענדעל און גנענדעל" (אין טעאַטער פאָרם) און „די גע'גט'ע כלה", לעבענס-בילד אין איין אַקט, פון דעם גרינעם וועגווייזער [ניט פאַרענדיקט].

ב. האָט אין מאַנוסקריפּט: „דבורה הנביאה", ביבלישע אָפּערעטע, „יפתח הגלעדי", ביבלישע אָפּערעטע, „פון קערקער אויפן טראָן",

היסטאָרישע אָפּערעטע, „דער נייער גאָט", היסטאָרישע אָפּערעטע, די איינאַקטיקע דראַמעס: „די צווייטע יהודית", „די משומדת" און די איינאַקטיקע קאָמעדיעס: „מיין ערשטער חתן", „אַ באָמבע ביים רבין אויפן בוידעם", „געביטענע ווייבער", „אַ דיימאַנד-רינג", „פישל וואַסערטרעגער" און „לײדים פוירסט".

בעקערמאַן, שמעון

פּראָפעסאָר פון אַ גאַנצער ריי קליינע שונד-ראָמאַנען און מעשה-ביכלעך, וועלכע זיינען אין די 90-ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט געדרוקט געוואָרן אין אָדעס, ווילנע און וואַרשע.

ב. האָט אויך אַרויסגעגעבן „הדסה די חלוצה" אַ דראַמע אין 4 אַקטן [,] פּאַרפאַסט אויף דעם אָרט פון שמר פּראָפעסאָר שמעון בעקערמאַן [,] אָדעססאַ דען 15 מאַרץ 1884 יאָהר נאָך דרוק שטרענקס פאַר באָטען. דרוק בייא. י. אונטערהענדלער, וואַרשא סט. יאַרסקיע נומער 24" [122 ז. 16°]. אויפן שער-בלאַט פון זעלבן בוך, אַרויסגעגעבן [דרוקיאַר?] בהוצאת ישראל ראַזאַמאָווסקי מוכר ספרים בבערדיטשוב, הייסט די פּיעסע אויך „דוד וועלוויל עסט קאָמפּאָט", און אונטערן דאָזיקן נאָמען איז די פּיעסע געשפּילט געוואָרן.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 342-4.

בערג, אסתר

[אסתר גיטל ראָזענקראַנץ]

געב. 18 יולי 1889 אין סטאַניסלאַוואָוו, גאַליציע. פאָטער — אַ שוחט. נאָכן קעשעניעווער פּאָגראָם ווערט דורכן ציוניסטישן פאַראיין אָרגאַניזירט לטובת די פּאָגראָמירטע אַ פאָרשטעלונג, אויף וועלכער ס'ווערט אונטער דער רעזשי פון אַקטיאָר רודאָלף זילבערבערג (בערג) אויפגעפירט מיט „ליבהאָבער" גאָלדפאַדענס „משיחס צייטן". ב. באַטייליקט זיך אין דער פאָרשטעלונג אַלס „גיטעלע", און נאָכדעם ווי זי האָט חתונה מיט ב. און פאָרט מיט אים קיין ווין, הויבט זי דאָרט אָן, צוליבן מאַנגל אין דאַמען-כחות, שפּילן מוטער-ראָלן, און זייט דאַמאָלט מאַכט זי מיט דעם זעלבן עטאַפּ וואָס איר מאַן.

ש. ע. פון רודאָלף בערג.

בערג, רודאָלף

[זילבערבערג]

געב. 24 נאָוועמבער 1876 אין וואַרשע, פּוילן. עלטערן — קליינהענדלער. געענדיקט שטאָט-שול און 2 קלאַסן רעאַל-שול. אַלס קינד געזונגען אין דער דייטשער כאָר-שול ביים אויבערקאַנטאָר ווייס. ביייוואוינענדיק אַ שטוב-פאָרשטעלונג פון גאָלדפאַדענס „ניע בע, ניע מע" — געשפּילט פון ראַטשטיינען און חברים, ווערט ב. דערפון אַזוי באַגייסטערט, אַז צומאָרגנס נעמט ער צונויף קינדער, און שטודירט מיט זיי איין די פּיעסע, וועלכע זיי פירן אויף שפּעטער בעת אַ חתונה.

אַ קורצע צייט שפּעטער זינגט ב. אין קינדער-כאָר בעת די פאָרשטעלונגען פון אַדלער, טאַנצמאַן און וויינשטאָק אין וואַרשע, און דערנאָך אַלס כאָריסט אין פּוילישן אָפּערעטן-טעאַטער. אין 1892 טרעט ב. אויף אין דוד שוואַרצבאַרדס טרופּע אַלס „יוסף" אין „יוסף מיט די ברידער". נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט אין לאָדזש און וואַרשע, גייט ער איבער אויף צווייטע קאָמישע ראָלן. 1902 שפּילט ב. אין גימפּעלס טרופּע, און בעת אַ קאָנקורס אין סטאַניסלאַוואָוו ווערט ער אויף אַ צייט פון 3 חדשים צווייטער קאַנטאָר אין דער סינאַגאָגע.

אָפּפאָרנדיק קיין ווין, טרעט ער אַריין אין עדעלהאָפערס טרופּע, גיט אויף זיין פּלאַן צו ווערן אַ קאַנטאָר, און וואַנדערט אַרום מיט יידישע טרופּעס איבער גאַליציע, אונגאַרן, בוקאָווינע, רומעניע, דייטשלאַנד און בעלגיע. אין 1907 ווערט ב. אַנגאַזשירט אין בודאַפּעסט דורך אַגעדן פאַר זיין וואָדעוויל-הויז אין ניו-יאָרק, און ווערט דאָ באַלד אַ מיטגליד אין לאָקאַל 3. שפּעטער שפּילט ב. אין שיקאַגאָ און איבער דער פּראָווינץ פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער-קאָמיקער.

ש. ע.

בערגמאַן, איציק-מענדל

[געב... — געשט...]

געב. אין סטאַניסלאַוואָוו, גאַליציע. פאָטער — אַ שמש אין שול. ווי דער קאָמפּאָזיטאָר דוד הירש גיט איבער, איז ב. אַ קורצע צייט אַרומגעפאָרן איבער טערקיי אַלס „גוטער ייד", און געמאַכט גוטע געשעפטן. נאָר צוליב אַ ניט עטישן מכשול, האָט ער געוואָרפן דיזאַזיקע פּרנסה.

דער אַקטיאָר צעזאַר גרינבערג גיט איבער, אַז ער האָט אין 1875 געטראָפן ב. ביי אַ פעטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער האָט געשיקלט אויף אַן אויג, איז געווען אַ שטיקל זינגער, און האָט געקענט פון יעדן ליד עטלעכע ווערטער. אין גרינבערגס אויפפירונג אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל פון „מכירת יוסף" האָט ב. געשפּילט די ראָל „יעקב", דערנאָך זיינען זיי צוזאַמען געפאָרן קיין רומעניע, און דאָרט געשפּילט וואָדעוויל פון גרינבערגס „אַרבעל-פּראָזע".

יצחק ליבערעסקאָ גיט איבער, אַז באַלד נאָך דער גאָלדפאַדענישער טעאַטער-גרינדונג איז ב. געקומען קיין יאַסי, און האָט זיך געמאַכט אַ קליינע טרופּע א"נ „בערגמאַנס טרופּע", מיט וועלכער ער איז אַרומגעפאָרן שפּילן וואָדעווילן.

ב. גאַרין דערמאָנט אים אַלס אַקטיאָר אין דער הורוויץ-טרופּע איבער גאַליציע און שפּעטער אַלס דירעקטאָר אין גאַליציע.

דער אַקטיאָר טש. נאַטאַנסאָן גיט איבער, אַז ב. האָט געהאַט אַ קאָנצעסיע צו שפּילן יידיש טעאַטער אין גאַליציע, און געמאַכט שותפות מיט טאַנענצאַפּן, וועלכער האָט געהאַט בשותפות מיט אים (נאַטאַנסאָן) אַ קאָנצעסיע אויף בוקאָווינע. אין 1897 איז ב. געווען ביי נאַטאַנסאָן סופלער אין גאַליציע.

ב. איז געשטאָרבן [דאַטום?] אין ווין פון אַ קרעבס.

מ. ע. פון יצחק ליבערעסקאָ, ס. פּאָרקויף, צעזאַר גרינבערג, טש. נאַטאַנסאָן, דוד הירש און משה שאָר.

ב. גאַרין — „געש. איד. טעאַט.", I, ז. 199, 242, II, ז. 147.

בערגמאַן, שמחה

געב. 14 יולי 1881 אין אָדעס, אוקראַאינע. געלערנט אין אַ פּראָגימנאַזיום. אין עלטער פון 12 יאָר געפאָרן מיט זיינע עלטערן קיין לאָנדאָן און דאָרט געאַרבעט אין אַ סיגאַרעטן־פאַבריק.

זייענדיק אַ מיטגליד אין טאַבאַק־קלאָב, וואו עס זיינען אויך געווען מיטגלידער די אַקטיאָרן יעקב זילבערט, טש. נאַטאַנסאָן און סאַלי וואַלערשטיין, וועלכע האָבן גראָד פאַרסטרייק ביי אַ דירעקציע, און געגרינדעט אַן אייגענע טרופּע, ווערט ב. דורך זיי אַריינגענומען אין דער טרופּע.

זיין ערשטער אויפטריט איז פאָרגעקומען אין 1896 אין דער ראָל פון „זון" אין שמ"רס „טרייפניאַק". אין דער טרופּע שפּילט ער צוויי יאָר, 1898־1903 שפּילט ער אין די טרופּעס פון טש. נאַטאַנסאָן, פיינמאַן, אַדלער, גאָלדפאַדען. אין 1903 פאָרט ער מיט דער דירעקציע בלומענטאַל־וואַקסמאַן קיין דרום־אַפריקע, וואו ער שפּילט ביז 1905.

אין 1906 ווערט ער אין לאָנדאָן מענעדזשער אין פּרינצעס מוזיק־האָל, פון 1908־1927 מענעדזשער און שוישפּילער אין די דירעקציעס דזש. קעסלער און בלומענטאַל אין פּאַריז און לאָנדאָן.

ב. איז געווען אַ מיטגרינדער פון די יידישע אַרטיסטן־פאַריינען אין פּאַריז און לאָנדאָן, און זייער ערשטער סעקרעטאַר.

מ. ע.

בערגעלסאָן, דוד

געב. 1884 אין אכרימאָוואָ (סאַרנאָ) ביי אומאַן, קיעווער גוב., אוקראַאינע. פאָטער — אַ בן־תורה און אַ טאַלנער חסיד, דער גביר פון שטעטל און פון דער סביבה. ב. האָט פרי אָנגעהויבן שרייבן, צוערשט אין רוסיש, דערנאָך אין העברעאיש. זיינע ערשטע זאַכן סיי אין העברעאיש (1906), סיי אין יידיש (1907), וועלכע ער שיקט אין רעדאַקציעס, ווערן ניט געדרוקט. וואוינענדיק זייט 1908 אין קיעוו, וואו ב. האָט זיך אַלס עקסטערן געגרייט צו די עקזאַמענעס (אויך שטודירט אַלס צאָן־דאָקטאָר, און שפּעטער עס געוואָרפן), האָט ער דאָרט אָנגעשריבן זיין גרויסע דערציילונג „אַרום וואָקזאַל", וועלכע ער איז געצוואונגען געווען צו דרוקן אויפן אייגענעם חשבון (פ"ג „פּראָגרעס", וואַרשע, 1909), און תיכף אַרויסגערופן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער קריטיק.

אויסער דער ליטעראַרישער אַרבעט, האָט ב. נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע אויך גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער יידישער קולטור־באַוועגונג, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין אוקראַאינע אונטער דער אָנפירונג פון דער קיעווער „קולטור־ליגע", פון וועלכער ב. איז געווען איינער פון די גרינדער. ווען עס גרינדעט זיך אין מאַי 1918 די דראַמאַטישע סטודיע ביי דער „ק"ל", איז ב. ביז סעפּטעמבער 1920 איר דירעקטאָר און ליטעראַרישער לייטער און באַטייליקט זיך אין דער רעזשי און אין די למודים.

ב. האָט באַאַרבעט זיין דערציילונג „דער טויבער" אַלס אַ דראַמע אין 3 טיילן, און פראַגמענטן פון איר אָפּגעדרוקט אין דער ניו־יאָרקער „פרייהייט", 1927. די פּיעסע א"נ „אויבן און אונטן" אונטער דער רעזשי פון משה ראַפּאַלסקי, מוזיק פון קריין, דעק. און קאָסטיומען פון טישלער, איז דעם 27טן אַפּריל 1929 אויפגעפירט געוואָרן אין האָמעל דורכן „ווימט". די פּיעסע א"נ „די ברויט־מיל" („דער טויבער") איז אין 1930 דערשינען אין ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין.

די פּיעסע איז איבערזעצט געוואָרן אויף דייטש דורך דר. פּרינץ פאַרן פּיסקאַטאָר־טעאַטער.

סוף מערץ 1929 איז דורך דער שיקאַגער יידישער ליט.־דראַמ. געזעלשאַפט קאָלעקטיוו פאָרגעלייענט געוואָרן, מיטן אַנטייל פון מחבר, זיין איינאַקטיקע קאָמעדיע „אין יידיש־סאָוועטישן געריכט", וועלכע איז שפּעטער אויפגעפירט געוואָרן (רעזשי. י. מעסטעל) דורך „אַרטעף" אין קאַרנעגי־האָל אין ניו־יאָרק.

אין דער „פרייהייט" פון מערץ־אַפּריל 1929 זיינען געדרוקט פראַגמענטן פון ב.'ס 3־אַקטיקער דראַמע „ביים טעלעפאָן", וועלכע איז צום בערגעלסאָן־אָוונט אין ניו־יאָרק געלייענט געוואָרן מיטן אָנטייל פון מחבר, דורכן „אַרטעף".

מ. ע.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, 347-52.

נחמן מייזיל — דוד בערגעלסאָנס „דער טויבער" אין ווייסרוסישן יידישן מלוכה־טעאַטער, „ליט"בל", וואַרשע, 4, 1929.

ש. ניגער — דוד בערגעלסאָן, „ליט"בל", וואַרשע, 9, 1929.

דוד בערגעלסאָן־נומער „ליט"בל", 37, 1929.

בערגער, לעאָן

[געב... — געשט...]

געווען פון די ערשטע סופלערן ביי גאָלדפאַדען און אַזוי ווי ער צעקריגט זיך מיט ג., וועלכער פאָרט אַוועק מיט דער טרופּע, בלייבט ב. אין אָדעס. יצחק ליבערסקאָ קומט אין 1880 קיין אָדעס נאָך פּיעסן פאַר דער גראַדנער־הורוויץ־טרופּע אין יאַסי, און שטעלט זיך אין פאַרבינדונג מיט בערגערן, וועלכער האָט אייניקע אויפגעשריבענע פּיעסן און אייניקע פּיעסן „געדענקט ער אויפן קאָפּ". אָבער אין לעצטן אויגנבליק ווערט באַשלאָסן, אַז ליבערסקאָ און בערגער שטעלן צונויף אַן אייגענע טרופּע, און זיי פאָרן קיין בראָדי, וואו זיי זוכן אויף דעם אַלטן בראָדערזינגער חיים שמואל לוקאַטשער און נאָך אייניקע יונגע זינגער, און א"נ „רומעניש־יידיש טעאַטער אונטער דער דירעקציאָן פון איזאַק ליבערסקאָ און לעאָן בערגער" פירן זיי דאָרט אויף גאָלדפאַדענס 6 פּיעסן, און אַזוי ווי זיי בלייבן אָן רעפּערטואַר, טראָגט זיך די טרופּע אין יאַנואַר 1881 אַריבער קיין בערלין און אונטער דער פירמע „דייטש־יידיש" שפּילן זיי אין אַ וואַריעטע גאָלדפאַדענס „רעקרוטן". אָבער באַלד ביי דער צווייטער פאָרשטעלונג מאַכן אַנטיסעמיטישע סטודענטן אַ סקאַנדאַל אין טעאַטער, און מען מוז איבעררייסן דאָס ווייטערדיקע שפּילן.

ב. קערט זיך צוריק קיין אָדעס און ווען ס'ווערט פאַרווערט יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד, ווערט ב. דער וועגווייזער פאַר דער טרופּע צוקערמאַן, ספּיוואַקאָווסקי, שיינגאָלד, שרה גאָלדשטיין־קאַרפּ, יוסף גאָלדשמידט, ווײַנשטאַק, שאול וויינשטיין און די קויפמאַנס מיט וועלכע ער פאָרט אַלס דירעקטאָר און סופלער קיין קעניגסבערג אין מיזערס לאָקאַל, וואו די טרופּע שפּילט מיט אַ גרויסן דערפאָלג 2 חדשים. דורך אַ טעאַטער־אַגענט שפּילט די טרופּע 2 וואָכן אין דאַנציג און פאָרט קיין בערלין, וואו עס קומט איר אָן מיט גרויסע שוועריגקייטן, (צוליב דעם ערשטן סקאַנדאַל) צו שפּילן

אין טעאַטער אויף קוואַרקס-פּלאַץ. דאָ שפּילט די טרופּע 8 חדשים א״פ „די יידיש-אָריענטאַלישע טרופּע“.

דאָס טעאַטער האָט געמאַכט זייער גוטע געשעפטן, נאָר צוליב בערגערס ענדערן דעם נאָמען פון דער טרופּע אויף ריין „אָריענטאַליש“, אַנאָנסירנדיק די יידישע אַקטיאָרן אַלס טערקן און רומענער, און צוליבן ברעכן דעם קאָנטראַקט מיט בערלין און שפּילן אין האַמבורג, קומט צו אַזאַ סקאַנדאַל מצד דעם פּובליקום, אַז די טרופּע גנבעט זיך צוריק אַריין אין יידישן קוואַרטאַל אונטער איר פריערדיקן נאָמען, און נאָך צוויי חדשים שפּילן קערט זי צוריק קיין בערלין, וואו זי שפּילט מיט מאַטערניש 4 חדשים און צעפאַלט זיך.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ I, 238-240.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג“, ווילנע, 1928, זז. 116-109.

בערגער, ראַשעל

געב. אין 1907 אין בראַאילאַ, רומעניע, עלטערן — יידישע אַקטיאָרן. אין 1920 אָנגעהויבן שפּילן אונטער איר פאָטערס דירעקציע. 1924 געשפּילט אין ווין און זייט 1925 אין פּאַריז ביי איר פאָטער און ביי יאָזעף קעסלער.

מ. ע.

בערגרין, יעקב

[גרינבערג]



געב. 24 יוני, 1899, אין נעמעראָוו, פּאָד. גוב., אוקראַאינע, ביי עלטערן סוחרים. געלערנט אין חדר און אין עלטער פון 15 יאָר געקומען קיין אַמעריקע צוזאַמען מיט די עלטערן. דאָ האָט ער געענדיקט פּאָבליק סקול און געלערנט אין סעמינאַר פאַר יידישע לערער.

אין 1919 טרעט ב. אַריין אין „קונסט-רינג“ אונטער דער רעזשי פון דימאָוו און שפּעטער פון סניעגאָוו.

אין 1922 באַטייליקט ער זיך אין ענגלישן טעאַטער אונטער דער רעזשי פון דייוויד בעלאַסקאָ.

אין 1923 הויבט ער אָן שפּילן אין שוואַרץ קונסט-טעאַטער, פון דאָרט גייט ער אַריבער אין שילדקרויטס „אונזער-טעאַטער“.

אין 1926 טרעט ער אַריין אין דער „ווילנער טרופּע“ אין ניו-יאָרק, וואו ער שפּילט מיט הפסקות ביז היינט.

מ. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנימ׳ער אויף אונזער בינע, „מאָ״זש“, נ. י. 28 יאַנ. 1927.

בערדיטשעווסקי, בן-ציון

[בערדיטשעווער]



געב. 15 אַפּריל 1898 אין פאַלעשטי, בעסאַראַביע. פאָטער — אַ דאַמען-שניידער. באַקומען אַ רעליגיעזע דערציאונג, און געלערנט ביי אַ לערער רוסיש. אין דער פרישטער יוגנט געלייענט יידישע ליטעראַטור, און דאָס ערשטע מאָל באַזוכט אַ יידישע פאָרשטעלונג דורכן מיטשלעפּן זיך מיטן מוזיקאַנט, וועלכן ער האָט געהאָלפן טראָגן די פּויק. שפּעטער געוואָרן אַ שליח ביי די אַקטיאָרן, און דורכדעם באַקומען די מעגלעכקייט אָפט צו באַזוכן דאָס טעאַטער און אויך סטאַטיסטירן.

אין 1914 טרעט ב. צום ערשטן מאָל אויף אַלס „מנוח“ אין אַ ליבהאָבער-אויפפירונג פון „שולמית“ אין בעלץ, בעסאַראַביע, און דאַן אין ווייטערדיקע אויפפירונגען. צוליב דער מלחמה טראָגט זיך די פאַמיליע איבער קיין אָדעס, וואו ב. אַרבעט ביז 1917 אין אַ אַמוניציע-פאַבריק.

פּסח 1917 טרעט ב. אַריין אַלס פּראָפעסיאָנאַל אין לייב קאָריקס טרופּע, וואו ער ווערט אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט דער ליבהאָבער, און נאָכדעם ווי די טרופּע צעפאַלט זיך, גייט ב. איבער אין דער טרופּע מערסאָן-עפּשטיין, וואו ער שפּילט אַ סעזאָן. בעתן גאַסטראָלירן מיט אַ צווייטער טרופּע אין קעשעניעוו אין 1918, ווערט קעשעניעוו אָפּגעריסן פון רוסלאַנד, און ב. בלייבט אין רומעניע 3 יאָר שפּילן אונטער די שווערסטע באַדינגונגען. 1921 קומט ב. קיין פּאַריז, וואו ער שפּילט ביי בלומענטאַלן אייניקע סעזאָנען, דערנאָך אַ סעזאָן אין אַנטווערפּן, ווידער אין פּאַריז, 4 יאָר אין לאָנדאָן, במשך פון וועלכע ער שפּילט 6 חדשים מיט אַ יידישער טרופּע אין דרום-אַפריקע. 1929 שפּילט ב. אין אַרגענטינע.

ש. ע.

בערדיטשעווסקי, מיכה יוסף

[געב. 19 אויגוסט 1865 — געשט. 18 נאָוו. 1921]

געב. 19 אויגוסט 1865 אין בערשאַד, פּאָדאָליע. פאָטער — אַ חסיד, דער רב פון שטעטל, האָט אים געגעבן אַ שטרענג רעליגיעזע דערציאונג. אין דער וואָלאָזשינער ישיבה באַקענט זיך ב. מיט די נייע אידעען און הייבט אָן זיך אָפּצוגעבן מיט זעלבסטבילדונג. זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט האָט ב. אָנגעהויבן מיט שילדערונגען פון דער ישיבה (אין „האסיף“ און הכרם״) און דערנאָך געוואָרן איינער פון די באַדייטנדסטע העבראַאישע שריפטשטעלער.

שפּעטער פאָרט ב. שטודירן קיין דייטשלאַנד, וואו ער באַקומט אין ברעסלוי דעם טיטל דר. פילאָסאָפיע.

ב. האָט פאַרעפנטלעכט אין „יודישע כתבים פון אַ ווייטען קרוב“, געדרוקט על ידי מיכה יוסף ברדיצבסקי, אין צווייטן טהייל „אימדיגעם אונד הייטערעס, פערלאַג „ליטעראַטור“ וואַרשע 1912 [שפּעטער איבערגעדרוקט דורכן „שטיבל-פאַרלאַג“ בערלין, תרפ״ד] אונטער דער אָפּטיילונג „סצענען און שפּיעלע“ פאָלגנדיקע דראַמאַטישע זאַכן: „שלום געוואָרען“ (אַ בילד), „פאַר׳ן בית-דין“ (אַ צווייטעם בילד), „די שבועה“ (אַ סצענע), „די ירושה“ (אַ צווייטע סצענע), „אַ נאָכמיטאָג ביים רב אין שטוב“ (אַ בילד), „די קניה“ (אַ סצענע), „דער שדוך“ (אַ שמועס) און „ברויט“ (אַ בילד).

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I. זז. 353-358.

בערטאַנאָוו, יהושע

[בירטון]

געב. 16 מערץ 1881 אין ווילנע, פויליש-ליטע, פאָטער — אַן איינבינדער. געלערנט אין חדר, תלמוד-תורה און דערנאָך אין האַנטווערקער-שול.

אין 1905 איז ב. אַריינגעטראָטן אין ווילנער רוסישן שטאָטטעאַטער אַלס אָנפאַנגער. זיין דעביוט איז געווען אין דער פיעסע „גריאַדושטשי ראַססוועט" פון עליזא אָרזשעשקאָ. ער שפילט אין דער טרופּע קליינע ראָלן ביז איינמאָל איז אַן אַקטיאָר פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און ב. האָט אים געמוזט אין איילעניש פאַרטרעטן אין דער ראָל „שמאַגא" אין אָסטראָווסקיס „אומשולדיק-שולדיקע". די פאָרשטעלונג איז אַריבער מיט אַזאַ דערפאָלג, אַז ב. איז באַשטימט געוואָרן אַלס ערשטער קאָמיקער פון דער טרופּע. ב. גייט דערנאָך איבער אויף אַנדערע רוסישע בינעס אַלס אַקטיאָר און רעזשיסער.

זייענדיק רעזשיסער פון רוסישן רעגירונגס-טעאַטער אין טיפליס איז ער גלייכצייטיק רעזשיסער און אָנפירער פון דאָרטיקן יידישן דראַמאַטישן קרייז.

אין 1912 ווערט ב. פאַרבעטן דורכן באַקאַנטן רוסישן אַרטיסט אָרליענעוו צו גאַסטראָלירן אין ביאַליסטאָקער סביבה, און אָנקומענדיק אין ביאַליסטאָק, באַגעגנט ער זיך מיט נחום צמח, דעם גרינדער פון דער העברעאישער „הבימה", פאַראינטערעסירט זיך מיטן דאָזיקן טעאַטער און ווערט דאָרט רעזשיסער און שוישפילער.

נאָכן צעפאַלן פון דער דאַמאָלדיקער „הבימה" קערט ער צוריק צו דער רוסישער בינע, אָבער אין 1914 טרעפן מיר אים אין ווילנע שפּילן יידיש אין טעאַטער „פילהאַרמאָניע" צוזאַמען מיט פרץ הירשביין.

אין דער זעלבער צייט אָרגאַניזירט ער אַ ליבהאָבער-קרייז פאַר דער אויפפירונג פון בעסערע יידישע טעאַטער-שטיק. אין דאָזיקן קרייז געפינען זיך די דאַמאָלדיקע אָנפאַנגער עלמית, אזרא, שניאור א. א. וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן די יסוד-מיטגלידער פון דער „ווילנער טרופּע".

איידער ווילנע ווערט עוואַקואירט פאָרט ב. ווידער אָפּ קיין רוסלאַנד, טרעט אַריין אין סיביריאַקאָווס רוסישן טעאַטער אין אָדעס, ווערט אָבער באַלד פון יידישן בילדונגס-קאָמיסאַר אויפגעפאָדערט צו גרינדן דאָרט אַ יידיש קינסטלעריש טעאַטער, וואו עס שפּילן אונטער זיין רעזשי די אַקטיאָרן: משה ליפּמאַן, מישא פישזאָן, וויערא זאַסלאַווסקאַ, ש. אירים א. א.

אין 1922 שפּילט ב. אין שלום-עליכם-טעאַטער אין רוסלאַנד, שפּעטער קערט ער ב. ווידער צוריק צו דער „הבימה", וואו ער שפּילט ביזן היינטיקן טאָג.

בן-ציון קים — „צייט", ווילנע, 85, 1925.

א. צפורי-בליו — דאָס האַרץ פון דער „הבימה", „איד. פאָלק", ניו-יאָרק, 21 יאַנ. 1927.

בערטעל-ליבערט

[זע ברין סאָניע.]

בערמאַן, אַדאָלף

געב. 27 נאָוו. 1872 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַ שניידער. געענדיקט אַ זונטאָג-האַנדלס-שול, אַלס יינגל געזונגען אין דער טלאָמאַצקער כאָר-שול, און פון דאָרט האָבן אים גאָלדפאַדען און טאַנצמאַן אַריינגענומען אין קינדער-כאָר אין טעאַטער עלדאָראַדאָ. אין 1892 צוזאַמען מיט טיטעלמאַן, ליבערט, קאַמינסקי, אסתר רחל קאַמינסקי, ראַטשטיין, זילבערבערג, אָנגעהויבן שפּילן אויף דער יידישער בינע אין וואַרשע ביי דער רוסישער דירעקטאָרשע אָלגינסקאַ. ב.'ס ערשטער אויפטריט איז געווען אַלס „קאָמיסאַר" אין „קאָלדוניא". אין 1894 פאָרט ב. אַרום מיט שליפערשטיינען. אין 1898 אַריינגעטראָטן אַלס רעזשינער אין דער טרופּע, וואָס זיין ברודער הערמאַן האָט געהאַט בשותפות מיט קאַמינסקי. אין 1900, בעת מען פאַרווערט יידיש טעאַטער, פאָרט ב. אַרום מיט נאָך יידישע אַקטיאָרן אַלס רוסישער און דייטשער קוואַרטעט, ביז ער טרעט אַריין אין 1905 אין וואַרשעווער באַגאַטעלאַ-טעאַטער, אין 1908 ווערט ב. אַנגאַזשירט צו זאַנדבערג אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער, וואו ער שפּילט איייניקע יאָר און פירט דאָרט אויף צום ערשטן מאָל אין אייראָפּע גאָרדינס „אלישע בן-אבויה". 1913 שפּילט ב. מיט קלאַראַ יאָנג אין וואַרשע, און דערנאָך אין אַ אייראָפּעאישן אָפּערעטן-רעפּערטואַר מיט נעראָסלאַווסקאַ. אין קריגס-צייט גרינדעט ב. צוזאַמען מיט ראָטשטיין און פישעלעוויטש אַ יידיש טעאַטער אין וואַרשע אויף טוואַרדאַ 7, וואו עס קומט אים אויך אויס צו שפּילן — צוליב דער גזרה אויף יידיש — יידישע פיעסן אויף פויליש. נאָך דער מלחמה שפּילט ב. אַ געוויסע צייט מיט אסתר רחל קאַמינסקי, דערנאָך אין רעוויו-טעאַטער „סמבטיון" און פאָרט אַרום איבער פּוילן מיט אַ טרופּע פון וועלכער ער איז דער איניציאַטאָר.

ב. האָט זיך אויך באַטייליקט אין די פילמען „די פאַרשטויסענע טאָכטער", „דער ווילדער פאָטער" פון ליבין און „תקיעת כף".

ש. ע.

מ. מיאַדאָוויק — טעאַטער זיכרוינעס, „שטערן", מינסק, 2, 1, 1926.

בערמאַן, הענרי

[הענעך ביילי]

געב. 6 מערץ 1885 אין פּאָדעמביץ, קאַלישער גוב., פּוילן. געענדיקט אַ פאָלקס-שול און געלערנט אין ישיבה. געזונגען ביי אַ חזן, און דערנאָך אַריינגענומען געוואָרן אין 1905 דורך מ. ד. וואַקסמאַן אַלס כאָריסט אין יידישן טעאַטער. נאָכן שפּילן יידיש טעאַטער אין פאַרשיידענע לענדער, אויסגעוואַנדערט קיין דרום-אַפריקע, וואו ער האָט אין יאָהאַנעסבורג געשפּילט ענגליש מיט דער „אַמעריקאַן ענגליש קאָמפּאַני", און איז זייט 1928 דירעקטאָר פון דער יידישער טרופּע אין דרום-אַפריקע.

ש. ע.

בערמאַן, הערמאַן

[געב. 1859 — געשט. 14 יאַנואַר 1923]

געב. 1859 אין וואַרשע, פוילן. פאָטער — אַ שניידער. אין דער פריסטער יוגנט אָנגעהויבן שפּילן מיט „ליבהאָבער“, און דערנאָך געווען איינער פון די, וועלכע האָבן געלייגט דעם יסוד פאַרן יידישן טעאַטער אין פוילן. באַטייליקט זיך אין עלדאָראַדאָ־טעאַטער אין וואַרשע, וואו גאָלדפאַדען האָט אויפגעפירט זיינע פּיעסן. ב. האָט אַרויפגעבראַכט אויף דעם בינע מרים טרילינג מיט וועלכער ער האָט שפּעטער חתונה געהאַט.

ב. האָט געשפּילט אין פּוילן, רוסלאַנד, און אין דער עפּאָכע פון גזרות און פאַרפאָלגונגען אויפן יידישן טעאַטער, האָט ער מיט וואַנדערנדע טרופּעס איבערגעלעבט שווערע צייטן. צייטנווייז פאָרט ער אַרום מיט אַ קוואַרטעט (בערמאַן, טיטעלמאַן, ראַטשטיין און פיינשטיין).

אין די יאָרן 1900-3 פאָרט ב. אַרום מיט די יידישע אַקטיאָרן שוואַרצבאַרד, אַדאָלף בערמאַן און פאַרשיידענע זינגער און טענצער אַלס „רוסישע געזאַנג און טאַנץ־קאַפּעלע“ איבער אייראָפּע (דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד, שפּאַניע), דערנאָך שפּילט ב. יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן, קומט צוריק אין פּוילן צו קאַמינסקין און ווערט אַ פּראָווינץ־דירעקטאָר, דאַן האָט ב. געשפּילט ביי די דירעקטאָרן ראַפּעל, עפּלבערג, קאַמינסקי, קאָמפּאַנעיעץ, זאַנדבערג, יוליוס אַדלער און ה. סיעראַצקי.

ב. איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן אַלטן רעפּערטואַר, אין וועלכן ער האָט, אַלס כאַראַקטער־קאָמיקער, זינגער און טענצער, געשפּילט דאָמינירנדע ראָלן, געווען זייער פּאָפּולער און געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, אָבער אויך ווען ס'פלעגט אים אויסקומען זיך צו באַטייליקן אין נייעם רעפּערטואַר, פלעגט ער מיט זיין עלעגאַנטער האַלטונג און אויסזען ציען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט.

אין די יאָרן 1921-2 האָט ב. שוין ניט געשפּילט, נאָר געלעבט אַלס עמעריט פונם יידישן אַרטיסטן־פאַריין. נאָכן באַקומען פּלוצלונג אַ געהירן־אַנטצינדונג איז ב. דעם 14טן יאַנואַר 1923 געשטאָרבן אין וואַרשע, וואו די קינדער פון זיין ערשטער פרוי האָבן אים געשטעלט אַ מצבה.

ב.'ס קינדער פון דער אַקטריסע טרילינג זיינען: אַדאָלף, אַ פּראָדוסער פון טענץ אויף בראָדוויי אין ניו־יאָרק און איליאַ, אַ יידישער אַקטיאָר, קאָמפּאָזיטאָר און טאַנץ־לערער.

ב.'ס ברודער איז דער אַקטיאָר אַדאָלף בערמאַן.

מ. ע. פון ה. פיינשטיין.

מ. מיאָדאָוניק — טעאַטער־זיכרוינעס, „דער שטערן“, מינסק, 2, 1, 1926.

מ. קיפּניס — הירש בערמאַן [נעקראָלאָג] „טאָ"ק“, לאָדזש, 3, 1923.

מ. קיפּניס — אַ לויה פון אַ יידישן אַרטיסט „טאָ"ק“, לאָדזש, 4, 1923.

פּנחס קאַץ — אָט אַזוי האָט אין פּוילן געלעבט און איז געשטאָרבן אַ יידישער אַקטיאָר, „פאָרוו.“, 18 פעב. 1923.

בערנאַרדי, בערל

[טאַפּ]



געב. 26 אַפּריל 1873 אין לעמבערג, מזרח־גאַליציע. פאָטער אַ מנקר, אַן אָרטאָדאָקסישער משכיל. געלערנט אין אַ חדר, תלמוד־תורה און געענדיקט אַ פאָלקס־שול. נאָך אַלס קינד האָט ב. געזונגען ביים חזן ר' אהרן שלום און אין עלטער פון 9 יאָר „געשפּילט טעאַטער“ אין שטובן מיטן שפּעטערדיקן פאָלקס־זינגער און אַקטיאָר משה וויינבערג. פון 13 ביז 16 יאָר געזונגען אַלס פּראָפעסיאָנעלער משורר, טרעט דערנאָך אַריין צו גימפּעלן אַלס כאָריסט, שפּילט דאָרט אויך פון צייט צו צייט אין קליינע ראָלן און באַטייליקט זיך אין די טענץ. 3 יאָר שפּעטער, ווען בערל בערנשטיין פאָרט קיין אַמעריקע, גייט ב. איבער אויף בערנשטיינס ראָלן, און שפּילט 6 חדשים ביי גימפּעלן, דערנאָך „גנבעט“ אים אַקסעלראַד אַרויס צו זיך קיין טשערנאָוויץ, און ב. שפּילט מיט אים 6 יאָר איבער גאַליציע, בוקאָווינע, רומעניע, אונגאַרן. גימפּל „גנבעט“ אים צוריק, און ער שפּילט ביי אים 6 יאָר, גייט איבער צו אַנשעל שאָר אין פּשעמישל און סביבה, דערנאָך צו משה וויינבערג אין קראָקע און אונגאַרן ביז ער קומט קיין בערלין, וואו ער שפּילט מיט אַן אייגענער טרופּע. ווען טאָמאַשעווסקי גאַסטראָלירט דאָרט אין 1901 נעמט ער אים מיט קיין אַמעריקע, וואו ער טרעט אויף אין קליוולאַנד ביי הערי בערנשטיין א"פ „בערנאַרדי“, פון דאָרט ווערט ער אַנגאַזשירט צו עליאַס גליקמאַן קיין שיקאַגאָ, וואו ער שפּילט 2 סעזאָנען, פאָרט אַרום אַ האַלב יאָר מיט יעקב זילבערט איבער דער פּראָווינץ, שפּילט 8 סעזאָנען אין באָסטאָן, וואו ער האָט אויך במשך דער צייט אַן אייגענע טרופּע, דערנאָך שפּילט ב. 7 סעזאָנען ביי מייק טאָמאַשעווסקי אין פילאַדעלפיע, 2 סעזאָנען ביי גערטנער אין שיקאַגאָ, פירט 2 יאָר אַ יידיש טעאַטער אין מילוואָקי, שפּילט צוויי סעזאָנען ביי קאַליך און דיינע פיינמאַן אין באָסטאָן, אַ קורצע צייט ביי הערשל צוקערבערג אין פילאַדעלפיע און ביי ראָט אין נואַרק, צו איינצלנע סעזאָנען ביי ליליען אין באָסטאָן, און ביי הערשל צוקערבערג אין מאָנטרעאַל, 3 סעזאָנען ביי געביל אין ניו־יאָרק, אַ סעזאָן ביי טאָמאַשעווסקין אין טאָראָנטאָ, 2 סעזאָנען ניט געשפּילט, 1928-9 אין פילאַדעלפיער אַרטש־סטריט־טעאַטער.

ב. האָט זיך אויך באַטייליקט אין די פילמען „געבראָכענע הערצער“ און „דער וואַנדערנדער ייד“.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער־קאָמיקער.

מ. ע.

בערנאַרדי, העלען

[לאַמפּעל — טאָפּף]

געב. 31 מערץ 1882 אין בערלין, דייטשלאַנד. די עלטערן זיינען געווען גאַליציאַנער. אַ פעטער אירער איז געווען דער באַרימטער בדחן ר' אַלטער מעליצער. אויפגעצויגן אין בערלין, האָט זי קיין יידיש ניט געקענט, הגם אירע עלטערן האָבן צווישען זיך גערעדט יידיש.

אין 1899 איז געקומען קיין בערלין אַ יידישע טרופּע, וועלכע האָט דאָרט געשפּילט 2 יאָר. אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ נייע דער־

שיינונג פאַר איר, האָט זי יעדן אָוונט באַזוכט דאָס טעאַטער, און דאָרט זיך אויך באַקענט מיטן אַקטיאָר בערל טאָפּף (גערופן בערנאַרדי), וועלכער האָט זי גענומען צו דער בינע. איר ערשטע ראָל איז געווען „אביגיל" אין „שולמית".

צוויי יאָר שפּעטער ברענגט זי בערנאַרדי קיין אַמעריקע, און דאָ האָט זי מיט אים חתונה.

זייט דאַמאָלט שפּילט זי מיט פאַרשיידענע טרופּעס איבער אַמעריקע און קאַנאַדע, אין אָנהויב אַלס סוברעטין, און דערנאָך אַלס מוטער-ראָליסטין. 1929-30 — אין ליריק-טעאַטער.

אירע אַ טאָכטער איז אַ כאָריסטין אין יידישן טעאַטער.

ש. ע.

בערנשטיין, בערל

[בורשטין]

[געב. בערך 1860 — געשט. 29 אויגוסט 1922]

געב. בערך 1860 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — געהאַנדלט מיט גענז. פון דער פריסטער יוגנט געווען אַ לוסטיקער, פריילעכער זינגער און טענצער, און מען פלעגט אים דעריבער רופן „בערעלע טענצער", „בערעלע האָצקע". געאַרבעט אין דער פּאַפּיראָסן-פאַבריק פון פּאָליאַקעוויטש, און געזונגען אין כאָר פון דער סינאַגאָגע, דערנאָך אין קוואַרטעט פון גאַרדעצקי.

ב. האָט געשטרעבט צו ווערן אַן אָפּערעזינגער, און אַוועקגעפאָרן קיין בערלין, וואו ער האָט שטודירט אין אַ קאָנסערוואַטאָריע [לויט מאַקס ראָזענטאַל — געזונגען אַלס באַס אין דער וואַרשעווער רעגירונגס-אָפּערע], אָבער ווען ער קומט צוריק אין וואַרשע, טרעט ער אַריין אין קוואַרטעט שטיין [פיינשטיין, בערנשטיין א. א.] מיט וועלכן ער פאָרט אַרום איבער פּוילן, אוקראַאינע און רוסלאַנד. ב. איז דער הויפּט פון דאָזיקן קוואַרטעט, און רופט אומעטום אַרויס באַגייסטערונג דורך זיין שיין זינגען און דורך זיין געשיקטקייט אַלס טענצער.

אין 1887 טרעפן מיר ב. אַלס כאַראַקטער-קאָמיקער אין לאָנדאָן, וואוהין ער קומט צוזאַמען מיט אַדלער און טאַבאַטשניקאָוו, אָבער ב. בלייבט ניט לאַנג אין לאָנדאָן, צוזאַמען מיט טאַבאַטשניקאָוו און אננאַ העלד פאָרן זיי קיין פּאַריז שפּילן יידיש טעאַטער, און פון דאָרט פאָרן ב. און ט. קיין לעמבערג צו גימפּעלן. פון דאַנען ברענגט אים אַדלער קיין אַמעריקע, וואו ב. ווערט באַלד זייער פּאָפּולער.

בעסי טאָמאַשעווסקי שילדערט אַזוי ב.'ס ערשטן אויפטריט אין ניו-יאָרק: „געשפּילט האָט מען די פּיעסע „שולמית". קיין אויסערגעוויינלעכעס האָב איך ניט געזען. מיין אייגענער „אבשלום", מיין מאַן, הייסט עס, איז ביי מיר געווען אַלץ חשובער ווי דער נייער „אבשלום" [טאַבאַטשניקאָוו], נאָר דער „צינגעטאַנג", בערנשטיין, איז יאָ געווען פאַר מיר אַ נייעס. זיין שפּרינגען איז טאַקע געווען חוץ לדרך הטבע פון אַ שפּרינגער... ווען ער קומט אָן מיט אבשלומען פון „די בערג" און דערזעט דעם היסטאָרישן ברונעם, איז ער, צינגעטאַנג, מיט איין „שפּאַן" אַראָפּ פון די בערג, און שוין געווען אין ברונעם... בערנשטיין האָט געקאַנט געבן אַ טאַנץ און זיך אויפהייבן פון סטיידזש [בינע] ביזן דאַך.

דאָס פּובליקום איז געוואָרן גוואַלדיק באַגייסטערט. בערנשטיין איז באַלד געוואָרן אַ ניו-יאָרקער ליבלינג. מען איז געלאָפן אין יוניאָן-טעאַטער זען „בערעלע האָפּ". מען האָט אים שטאַרק אַפּלאָדירט און אַלעמאָל געפאָדערט ער זאָל איבערשפּרינגען דאָס געשפּרונגענע שפּרינגעכץ.

ער איז געווען גאַנץ אייגנאַרטיק. הויך און מאָגער, מיט אַ באַסאָווער שטים, גאָרניט ווי מיר זיינען געוואוינט געווען פון אַ קאָמיקער, און לאַנגע פיס. וועגן זיינע פיס האָבן זיך געטראָגן אין טעאַטער-קאַפע פאַרשיידענע לעגענדעס. מען האָט געזאָגט, אַז ווען בערנשטיין וויל, קאָן ער זיי מאַכן נאָך לענגער ווי זיי זיינען, און אַז ער וויל, קאָן ער זיי מאַכן גאַנץ קורצינקע און שפּילן קליינע מיידעלעך. דער עיקר, ער דאַרף נאָר וועלן..."

לויט ב. באָטוויניק „פלעגט ב. טיילמאָל טאַנצן צום טאַקט פון דער מוזיק ניט מיט די פיס, נאָר מיט די באַקן אָדער מיט אַ צוגעקלעפּט בערדל, און ער פלעגט עס טאָן מיט זיין אָריגינעלן חן.

וויפיל ב. האָט זיך ניט באַמיט צו זיין ערנסט, האָט דער עולם אַלץ מער געלאַכט, ווייל אין זיין אנשטריינגען זיך צו זיין ערנסט, האָט געשטעקט דער קאָמיזם. אַ געוויס מאָל, ווען ער האָט מיט קעסלערן געשפּילט אַן ערנסטע ראָל אין דער פּיעסע „שבתי צבי", און איז אַרויסגעקומען, אַלס אינטריגאַנט, צו שטעכן איינעם מיט אַ מעסער, האָט דער עולם געקייכט פון געלעכטער.

ב. איז ניט געווען קיין כאַראַקטער-מאַלער, קיין קינסטלעריש ליטעראַרישער שוישפּילער, וואָס שילדערט נשמה-איבערלעבונגען פון מענטשן. ער איז געווען אַן ערשט קלאַסיקער בורלעסק-קאָמיקער מיט אַ סך חן, און דעריבער האָט ער געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין די ערשטע יאָרן פון יידישן טעאַטער ווען דער בורלעסק-קאָמיזם איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע עלעמענטן אויף דער יידישער בינע".

ב. איז אין אַמעריקע געווען זייער פיל יאָרן פאַרבונדן מיט טאָמאַשעווסקין און וועמענס אויסשטאַטונגס-אָפּערעטן ער האָט געשפּילט, אָבער גלייכצייטיק האָט זיך ב. אויך באַטייליקט אין פיל דראַמען און לעבנסבילדער פון די אַמעריקאַנער דראַמאַטורגן ווי ליבין א. א., און באַזונדערס פּאָפּולער געוואָרן דורך זיין שפּילן „שמאי" אין גאָרדינס „קעניג ליר" מיט אַדלערן.

ב. איז אויך געווען איינער פון די פיר שותפים (סאָפיע קאַרפּ, בערנשטיין, פינקל און לואיס גאָטליב), וועלכע האָבן אויפגעבויט דאָס גרענד-טעאַטער אין ניו-יאָרק, דאָס ערשטע טעאַטער, וואָס איז דירעקט געבויט געוואָרן פאַר אַ יידיש טעאַטער אין אַמעריקע.

אין די לעצטע יאָרן איז ב. געוואָרן אַ יורד צוליב דעם וואָס זיין אַרט קאָמיזם האָט מער ניט פאַרנומען קיין באַדייטנד אָרט אין יידישן טעאַטער, און אויסער דעם האָט ב. געליטן פון אַ הייזעריגקייט און מער ניט געקאַנט זינגען און ריידן קלאָר.

אין 1921 האָט ב. גענומען צוזאַמען מיט זיגמונט וויינטרויב אַ קליין טעאַטער אין שיקאַגאָ; אָבער אויך דאָ האָט ער ניט געהאַט קיין מזל; דאָס טעאַטער האָט זיך פאַרמאַכט אין מיטן סעזאָן. ב. איז דאַן אַוועק אין שפּיטאָל זיך אָפּערירן, און דאָ האָבן די דאָקטוירים פעסטגעשטעלט, אַז ער ליידט פון אַ ראַק, און דעם 29טן אויגוסט 1922 איז ב. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק.

ב. האָט צוויי זין, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער ענגלישער בינע אַלס מוזיקער און שוישפּילער.

מ. ע. פון בערנשטיינס ברודער, ה. פיינשטיין, מאַקס ראָזענטאַל און ראובן וויסמאַן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 126, 143, 150-151.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס געשיכטע", זז. 206, 262.

ב. באָטוויניק — בערל בערנשטיין, דער בעריהמטער אַקטיאָר, וועלכער איז נעכטען געשטאָרבען, „פאָרווערטס", 31 אויגוסט, 1922.

באָריס טאָמאַשעווסקי — דער ערשט פאַרשטאָרבענער קאָמיקער בערל בערנשטיין, „פאָרווערטס", 3 סעפּט., 1922.

בער(ע)נשטיין, ש.

געב. [לויט רייזען „לעקסיקאָן“] אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק. אין 1869 אַרויסגעגעבן אין זשיטאָמיר אַ זאַמלונג א״ט „מאַגאַזין פון יודישע לידער פאַר דעם יודישען פאָלק“. ב. קאָן גערעכנט ווערן פאַר איינעם פון די ערשטע יידישע פאָלקסדיכטער אין רוסלאַנד, נעבן גאָטלאָבער, מיכל גאָרדאָן, גאָלדפאַדען און צונזער, וואָס מיט זיי האָט ער זייער פיל געמיינזאַמעס סיי אין טאָן, דעם פאָלקסטימלעך-לירישן אָדער בדחניש-רעזאָנירנדיקן, סיי לויט די אידעען און טעמעס. ב. איז אין זיין צייט געווען זייער פּאָפּולער און זיינע לידער פלעגן אין דרום-רוסלאַנד געזונגען ווערן אַזוי ווי פאָלקס-לידער.

ש. ב. איז מסתמא אידענטיש מיט שמואל בערענשטיין, וועלכער האָט אין די 60-ער און 70ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט געלעבט אין זשיטאָמיר, און געווען זייער פּאָפּולער אַלס מיטאַרבעטער פון „קול מבשר“, וואו ער האָט אין 1871 אין די נומערן 31-21 אָפּגעדרוקט זיין קאָמעדיע אין 5 אַקטן „ר׳ יאחצי דל גאה“ [סעפּעראַטע אויסגאַבן — אָדעס, 1872, דערנאָך קעשעניעוו 1884, 32 ז. 16°, א״נ „ר׳ יאחצע ד״ל גאה“ אַ קאָמעדיע מיט אַ ראָמאַן אין 5 אַקטן, ערשטער טהייל“, אויף זייטל 17 הויבט זיך אָן דער „צווייטער טהייל“].

אין דער קאָמעדיע ווערט אויסגעלאַכט דאָס איבערנעמען זיך מיטן יחוס פון אַ „ר׳ דב בן שטעמפעל“. הגם קינסטלעריש שטייגט די קאָמעדיע ניט אַריבער די מדרגה פון דער פּרימיטיוועד בעלעטריסטיק פון דער השכלה-עפּאָכע, איז זי אָבער אויסגעצייכנט מיט דעם געלייטערטן, פאָלקסטימלעכן, זאַפטיקן יידיש.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט“ I, זז. 376-380.

בערסאַן, בעלאַ

[בלומע זאַבאַרא]

געב. 29 דעצ. 1886 אין סטעבלאָוו, קיעוו. גוב. אוקראַאינע. עלטערן — הויזבאַזיצער, וועלכע טראָגן זיך שפּעטער איבער קיין ניקאָלאַיעוו, וואו ב. לערנט אין גימנאַזיע, יידיש און העברעאיש ביי אַ פּריוואַט לערער און שטודירט קלאַוויר אין אַ מוזיק-שול.

אין 1905 קומט ב. קיין ווין, וואו זי טרעט שפּעטער אַריין אין כאָר פון פּאַדזאַמטשעס טרופּע, אין וועלכער זי באַקומט באַלד צו זינגען סאָלאָס. דערנאָך שפּילט זי קליינע ראָלן ביי אַקסעלראָדן אין טשערנאָוויץ, דאַן ווידער אין ווין ביי זיגלערן.

ב. האָט זיך באַטייליקט אין די ליטעראַרישע זונטאָג-נאָכמיטאָג אויפפירונגען פון דער „פרייער פאָלקס בינע“, 2 יאָר אַרבעט ב. אין רויטן קרייז און רייסט איבער איר בינע-טעטיגקייט, דערנאָך שפּילט זי אין ווין, וואו זי האָט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט מאָלי פּיקאָן, אין 1922 שפּילט ב. 7 חדשים ביי בלומענטאַל אין פּאַריז, 1924-5 שפּילט זי 9 חדשים ביי בלומענטאַלן אין לאָנדאָן, דערנאָך מיט יונגווירטן אין טשעכאָ-סלאָוואַקיע און יוגאָ-סלאַוויע.

מ. ע.

בערקאָוויטש, אברהם



געב. 28 פעברואַר 1901 אין קאַהול, בעסאַראַביע. פאָטער — אַ פרומער בעל-מלאכה. געלערנט אין אַ חדר, און גלייכצייטיק אין אַ רוסישער פאָלקס-שול, דערנאָך געוואָרן אַן עקסטערן. אין עלטער פון 16 יאָר אָנגעהויבן שפּילן אין אַ דראַמאַטישן קרייז, אין 1925 קומט ב. קיין בוקאַרעסט, ווערט אַ סטאַטיסט אין דער „ווילנער טרופּע“, און שפּעטער באַקומט ער דאָרט קליינע ראָלן. בעת דער אויפפירונג פון „שבתי צבי“ ווערט ב. שוין אַנגאַזשירט אַלס מיטגליד פון דער טרופּע, און שפּילט ביז יולי 1927 ווען די „ווילנער“ פאָרן אָפּ קיין פּוילן. ב. ווערט דאַן אַנגאַזשירט צו איציק גאָלדענבערג און שפּילט ביז יולי 1928 מיט באַראַטאָוון, און דערנאָך מיט נעלי קעסמאַן.

ב. האָט איבערזעצט פאַר באַראַטאָוון די רומענישע פּיעסן „הללויה“ פון מאַרקאָ פריאַגאַ און „שאַרלאַטאַן“ פון עמעריק פעלדוש.

ש. ע.

בערקאָוויטש, יחיאל

[געב. 1856 — געשט. 1917]

געב. 1856 אין יאַסי, רומעניע. באַקאַנט אין די טעאַטער-קרייזן א״נ „יחיאל בולבע“. אָנגעהויבן זיין בינע-קאַריערע אַלס כאָריסט אין הורוויצעס טרופּע, דערנאָך געוואָרן דאָרט דער כאַראַקטער-קאָמיקער. איבערגעגאַנגען צו גאָלדפאַדען און געשפּילט מיט אים ביז צו ג.׳ס אָפּפאָרן קיין אַמעריקע. ב. שפּילט דערנאָך מיט פאַרשיידענע טרופּעס איבער רומעניע, און ציט זיך אין 1891 צוריק פון דער פּראָפעסיע, באַטייליקנדיק זיך זייט דאַמאָלט נאָר אין פאַרשטעלונגען פאַר וואוילטעטיקע צוועקן.

ב.׳ס בעסטע ראָלן זיינען געווען אין דער „באָבע מיטן אייניקל“ און „די באָבע יאַכנע“. בכלל איז ב. געווען אַ פרייליכער אַקטיאָר, אַ שוואַכער זינגער, אָבער אַ גוטער טענצער.

אין 1917 איז ב. געשטאָרבן אין יאַסי. זיין זון איז קאַסירער אין יידישן טעאַטער און שפּילט פון צייט צו צייט, קאָפּירנדיק דעם פאָטער.

ש. ע. פון זיין זון.

בערקאָוויטש, יצחק-דוב

געב. 15 אָקט. 1885 אין סלוצק, מינסק. גוב. ווייס-רוסלאַנד. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-יידישע דערציאונג. שפּעטער, אַלס לערער פון העברעאיש, האָט ב. אָנגעהויבן זיך נענטער אָפּגעבן מיט זעלבסטבילדונג און זיך באַקענט מיט דער העברעאישער ליטעראַטור. ב. באַזעצט זיך אין לאָדזש, און אין 1903 דעביוטירט ער אין „הצופה“. אין זעלבן יאָר באַקומט ער די ערשטע פּרעמיע אין ליטעראַרישן קאָנקורס פון „הצופה“ פאַר זיין דערציילונג „משקהלי חזיר“, וואָס האָט אים געמאַכט אַ נאָמען אין דער העברעאישער ליטעראַטור, און ער ווידמעט זיך אינגאַנצן דער ליטעראַרישער טעטיגקייט. 1905 געווען רעדאַקטאָר פון בעלעטריסטיק אין ווילנער מאָנאַטשריפט „הזמן“. נאָך די פּאָגראָמען פון זעלבן יאָר אָפּגעפאָרן צוזאַמען מיט זיין שווער שלום-עליכם קיין גאַליציע, פאַרבראַכט אַ יאָר אין דער שווייץ און פון דאָרטן געפאָרן קיין ניו-

יאָרק, זיך אָבער ניט געקאַנט איינלעבן אין דער יידישער סביבה פון אַמעריקע, און צוריקגעקומען קיין אייראָפּע. נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה אויסגעוואַנדערט מיט ש״ע׳ס פאַמיליע קיין ניו יאָרק.

נאָך אין 1905 האָט ב. פאַרעפנטלעכט אין טעגלעכן „הזמן״ אַן אַרטיקל וועגן יידישן טעאַטער („התיאטרון היהודי״, געחתמעט „ברק״). אויך אין 1906, זייענדיק אין לעמבערג, געלאָזט דרוקן אין „לעמבערגער טאָגבלאַט״ אַן אַרטיקל וועגן יידישן טעאַטער.

1920 האָט ב. אָנגעשריבן זיין איינאַקטער „לאַנדסלייט״ (געשפּילט דורך שוואַרצן און געדרוקט פעב. 1921 אין „צוקונפט״), וועלכן ער האָט שפּעטער בעאַרבעט אַלס אַ דריי-אַקטיקע פּיעסע, און דעם 16טן דעצ. 1920 איז זי אויפגעפירט געוואָרן דורך שוואַרצן אין זיין קונסט-טעאַטער.

דערזעלבער איינאַקטער איז א״נ „בארצות הרחוקות״ געווען געדרוקט אין ב.׳ס העברעאישער איבערזעצונג אין „מקלט״, נ. י. (נאָוו. 1920), און שפּעטער אַלס קאָמעדיע אין 3 אַקטן אין טעגלעכן „הדואר״, ניו יאָרק (זומער 1921).

די קאָמעדיע איז אויך איבערזעצט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין בערלין אויף ווייס-רוסיש אין דעם ערשטן ווייס-רוסישן זאַמלבוך, וואָס האָט זיך דאָרט געדרוקט נאָך דער מלחמה.

אין „צוקונפט״ (פעב., מערץ, אַפּריל 1925) איז פאַרעפנטלעכט ב.׳ס דראַמע אין 3 אַקטן „אונטערן צלם״ [דראַמאַטיזירטע פאָרטזעצונג פון זיין דערציילונג „מאָשקעלע חזיר״]. די פּיעסע איז אין אויגוסט 1924 צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן דורך שוואַרצן אין ווינער קאַרל-טעאַטער בעת זיין טורנעע אין אייראָפּע, און דעם 29טן סעפּט. 1924 אין ניו-יאָרקער קונסט-טעאַטער, און דאַן דורך פאַרשיידענע אַנדערע יידישע טרופּעס אין אַמעריקע, אייראָפּע, קובאַ און אַרגענטינע.

דיזעלבע פּיעסע ווערט [ניט אין ב.׳ס איבערזעצונג] באַלד דערויף געשפּילט אויף העברעאיש אין ארץ-ישראל.

פעברואַר-אַפּריל 1928 איז אין ניו-יאָרקער „הדואר״ אָפּגעדרוקט געוואָרן ב.׳ס העברעאישע איבערזעצונג פון דער דאָזיקער פּיעסע א״נ „אותו ואת בנו״.

ד. 5טן נאָוו. 1926 איז אין אירווינג פּליים-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ב.׳ס דראַמע „פון יענער וועלט״ (רעזשי ל. סניעגאָוו), שפּעטער איז די זעלבע פּיעסע געשפּילט געוואָרן אין אייראָפּע דורך לידיאַ פּאָטאָצקאַ.

ב. האָט אויך פאַרעפנטלעכט אין „פאָרוו.״ זיין סקעטש „גיי זיי אַ נביא און טרעף״, וועלכן ער האָט שפּעטער אָפּגעדרוקט אין „השלח״ א״נ „מי נביא וידע״. דער איינאַקטער איז געשפּילט געוואָרן אין ביידע שפּראַכן אין אַמעריקע און אין ארץ-ישראל.

אין העברעאישן פאַרלאַג „מקראות קטנות״, נ. י., איז אויך דערשינען ב.׳ס „משחק פורים״, אַ קאָמעדיע אין איין אַקט, וואָס איז מיט דער מוזיק פון פּראָפ. מאָראַז אויפגעפירט געוואָרן דורך דר. ניסן טוראָוו אין באָסטאָן אַלס קאָמישע אָפּערע.

פאַרברייענגענדיק 1928-30 אין ארץ-ישראל האָט דאָרט ב. אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג „דביר״ (תל-אביב, תרפ״ה, 171 ז. 16°) אַ באַנד פון זיינע פּיעסן אין העברעאיש: „בארצות הרחוקות״, קומדיה בשלש מערכות, „אותו ואת בנו״, דרמה בשלש מערכות, „מי נביא וידע״, בדיחה במערכה אחת, „משחק-פורים״, מחזה-התולים בנוסח המשחק העממי, ווי אויך אַ באַנד דראַמאַטישע באַאַרבעטונגען פון ש״ע׳ס פּיעסן („האוצר״, „מזל-טוב״, „עמך״ [„דאָס גרויסע געווינס״], שלום-עליכם, כתבים, כרך ששי, קומדיות, עבדו ותרגמו ע״י י. ד. ברקוביץ, „דביר״, תל-אביב, תרפ״ט, 188 ז., 16°). „האוצר״

איז 1929 אויפגעפירט געוואָרן אין ארץ-ישראל דורך דער „הבימה״ (רעזשי א. דיקי).

ב. האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ ריי דראַמאַטישע סאַטירעס (א״פ „בע...בע...״) אויף ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס (וואַרשעווער „די נייע וועלט״, 1909, ווילנער „טאָג״, 1911, „דער גרויסער קונדס״, 1914; אין העברעאיש — אין „הזמן״ און אין „התורן״).

ב. האָט אַרויסגעבראַכט פאַר דער עפנטלעכקייט שלום-עליכםס דראַמאַטישע ווערק. אַזוי האָט ער באַאַרבעט ש״ע׳ס „צעזייט און צעשפּרייט״ פאַר שניצערס קונסט-טעאַטער, געשריבן צוזאַמען מיט שלום-עליכמען די פּיעסע „שווער צו זיין אַ ייד״, דראַמאַטיזירט די שפּעטער-פאַרעפנטלעכטע שלום-עליכם-פּיעסע „טביה דער מילכיקער״ און דראַמאַטיזירט און באַאַרבעט „דאָס גרויסע געווינס״ און „גאָלדגרעבער״, וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין דער גאַנצער וועלט.

אין פאַרלאַג „מתנות (נ. י.) איז אויך דערשינען: „שלום עליכם, חנוכה-געלט, קינדער-שפּיל אין דריי סצענעס, פריי אינסצענירט פון י. ד. בערקאָוויטש.״ אַ העברעאישער וואַריאַנט דערפון, „מעות של חנוכה״, איז דערשינען דורכן פאַרלאַג „דביר״.

ש. ע.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״ I. זז. 380-383.

ז. קאַרנבליטה — „די דראַמאַטישע קונסט״, זז. 130-131.

ל. קרישטאַל — וועגן „לאַנדסלייט״ פון י. ד. בערקאָוויטש, „אונזער טעאַטער״, נ. י., 1921, 2-3.

שכנא עפּשטיין — „מאָשקע חזיר״ אין אידישן קונסט טעאַטער, „פריוהייט״, 7 אָקט. 1924.

א. קרעטשמאַר-יזראעלי — אַ אידישע דראַמע פון נייעם רוסלאַנד, „דער אידישער פיהרער״, באָסטאָן, 15 אָקט. 1924.

א. עפּשטיין — „מאָשקע חזיר״, „דער טאָג״, 7 אָקט. 1924.

רעגידעבעל — דראַמע איין, דראַמע אויס, „דער קונדס״, 10 אָקט. 1924.

ל. קעסנער — „מאָשקע חזיר״, „אידישעס טאַגעבלאַט״, 10 אָקט. 1924.

ש. ניגער — אַ גוטע דראַמע מיט אַ שלעכטן נאָמען, „דער טאָג״, 26 סעפּט. 1924.

פּאול ווערטהיים — דער קריטיקער פון „נייער פרייער פּרעסע״ וועגן „מאָשקע חזיר״, „דער טאָג״, נ. י., 3 אָקט. 1924.

אב. קאַהאַן — י. ד. בערקאָוויטש׳עס נייע דראַמע אין שוואַרצ׳עס קונסט-טעאַטער, „פאָרוו.״, נ. י. 10 אָקט. 1924.

א. מ. מאַנדעלבוים — מענשליכע סילועטען, „דער אידישער זשורנאַל״, טאָראָנטאָ, 15 אָקט. 1924.

אַלטער קאַציזנע — טעאַטער, „ליט״בל״, 47, 1925.

אב. קאַהאַן — בערקאָוויטש׳ס נייע דראַמע אין אירווינג פּליים טעאַטער, „פאָרוו.״ 9 נאָוו. 1926.

אַ בריוו פון י. ד. בערקאָוויטש מיט אַן ענטפער פון שכנא עפּשטיין, „פרייהייט״, 16 דעצ. 1926.

אַלטער עפּשטיין — „פון יענער וועלט״, „פאַרן פאָלק״, 12 נאָוו. 1926

א. גלאַנץ — עטליכע ווערטער וועגן די דראַמאַטישע ווערק פון י. ד. בערקאָוויטש, „טאָג״, נ. י. 12 דעצ. 1926.

בערקאָוויטש, לייזער

געב. 20 יוני 1879 אין בורדוזשען, רומעניע. עלטערן — וויין-סוחרים. געלערנט אין חדר, געענדיקט אַ פּרימאַר-שול און 2 קלאַסן גימנאַזיע. געווען אַ „פּאַטריאָט״ פון יידישן טעאַטער, און אין 1901 געוואָרן דירעקטאָר פון אַ יידישער טרופּע אין גאַליציע. 3 יאָר שפּעטער אַריבערגעטראָגן זיך קיין רומעניע און איבערגענומען דעם גאָרטן „פּאַמול ווערדע״, וואו עס שפּילן יידישע טרופּעס, מיט וועלכע ב. איז פאַרבונדן אויף שכירות אָדער פּראָצענט. ב. האָט אַראָפּגעבראַכט קיין יאַסי די „ווילנער טרופּע״ און „וויקט״.

מ. ע.

בערקאָוויטש, שרה

געשפּילט אין 1880 אין דינאַבורג מיט אַדלערן און גאָלדפאַדענען. אויפגעטראָטן אין „שולמית" און אין אַנדערע פּרימאַדאָנע-ראָלן. געהאַט אַ שיינע שטים.

מ. ע. פון הערמאַן פידלער.

בערקאָווסקאַ, אידא

געב. 12 אַפּריל 1903 אין מינסק, ווייס-רוסלאַנד. פאָטער — אַ קרעמער. געענדיקט אין 1921 אַ פּראָפ. שול. דורך איר ברודער, אַ מיטגליד אין אַ דראַמ.-קרייז, אַריינגעטראָטן אין קרייז, און דעביוטירט דאָרט אין סוף 1922 אין דער ראָל „רבקהלע" פון שלום אַש „גאָט פון נקמה". 1923 אַריינגעטראָטן אין דער ווייסרוסלענדיש-יידישער טעאַטער-סטודיע, וועלכע איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „ווימט", וואו ב. שפּילט ביז היינט.

ש. ע.

בעשטענדיג, סאַלי

[שרה רבקה]

[געב. 12 יוני 1874 — געשט. 22 סעפּט. 1927]

געב. 12 יוני 1874 אין לעמבערג, גאַליציע. עלטערן — סוחרים, געענדיקט אַ פאָלקסשול. אין 1892 וואַנדערט ב. אויס מיט איר מאַן יוסף חיים דעסער קיין לאָנדאָן, וואו זי טרעט אַריין אין כאָר פון דאָרטיקן און שפּעטער אין פּאַריזער יידישן טעאַטער, אין 1893 קומען זיי צוריק קיין לעמבערג, וואו זיי טרעפן זיך מיט אייניקע בראָדערזינגער, און צוזאַמען באַנייען זיי די בראָדער-פאָרשטעלונגען, אָבער אַנשטאַט ביי אַ טישל, ווערט שוין געשפּילט אויף אַ פּאָדיום, און מיט אַ צימבלער (שימעלע שווייַדער), אַזוי, אַז די פאָרשטעלונגען זיינען אַן ערנסטע קאָנקורענץ פאַר לעמבערגער יידישן טעאַטער. פון 1907 ביז 1912 וואַנדערט ב. אַרום מיט די פאָלקסזינגער איבער ווין, בודאַפּעסט, בוקאַרעסט, אַרויסטרעטנדיק אַלס פאָלקס-זינגערין, און איז די ערשטע פרוי, וואָס שפּילט „אַ חסידל". צוליב דער מלחמה רייסט זי איבער דאָס שפּילן און בלויז אין 1921 שפּילט זי ווידער 7 חדשים אין טשערנאָוויץ, האָבנדיק אַ גרויסן דערפאָלג.

דעם 22 סעפּטעמבער 1927 איז ב. נאָך אַ שווערער קראַנקהייט געשטאָרבן אין לעמבערג.

איר זון, מנחם דעסער, איז אַ סופלער ביים יידישן טעאַטער.

ש. ע. פון מנחם דעסער.

בראַגינסקאַ, כינע

[פישזאָן]



געב. 15 מאַי (א. ס.) 1872 אין קיעוו, אוקראַאינע. פאָטער — אַ וואַלד-סוחר, געהאַט אייגענע סמאָלערייען אין רוטיטש און דעריבער גערופן געוואָרן „דער רוטיטשער". ווען ב. איז אַלט איין יאָר, שטאַרבט איר מוטער און 8 יאָר שפּעטער שטאַרבט איר פאָטער אין אַ פּאָגראָם. ב. ווערט אַ נייטאָרין אין קיעוו. דאָרט אַרבעט זי אייניקע יאָר, און ווען גאָלדפאַדען קומט קיין קיעוו, און הערט ב. זינגען, פירט ער זי אָפּ צו זיינע עלטערן קיין אַלט-קאָנסטאַנטין, וואו זי לערנט זיך אויס יידיש, און טרעט דערנאָך אויף אין דער פּרימאַדאָנע-ראָל פון „ניע בע, ניע מע" אין גאָלדפאַדענס טרופּע אין טשערקאַס. ווען אַ יאָר שפּעטער ווערט פאַרווערט צו שפּילן יידיש טעאַטער, פאָרט ב. אַרום אויף קאָנצערטן מיט פישזאָן, בלומענטאַל, אייזענבערג און לעווין. אין 1894 האָט ב. חתונה מיט אברהם פישזאָן, און פאָרט זייט דאַמאָלט אַרום מיט אים, פאַרנעמענדיק ביז 1900 אין זיין טרופּע די ראָל פון אַ פּרימאַדאָנע, און שפּעטער פון אַ דראַמאַטיסטין.

אין 1922 קומט ב. מיט אייניקע מיטגלידער פון איר טרופּע אין קאַנאַדע, און שפּילט אייניקע סעזאָנען אין וויניפּעג, שפּעטער אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן און אין דעטראָיט ביי ליטמאַן.

מ. ע.

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער", ביאַליסטאָק, 1921, II, 86.

בראָדסקי, אהרן

[געב. 10 אויגוסט 1878 — געשט. 28 אויגוסט 1925]

געב. 10 אויגוסט 1878 אין דובאָסאַר, כערסאָנער גובערניע, אוקראַאינע, אין אַן אינטעליגענטער, פאַרמעגלעכער פאַמיליע. פאָטער — אַ פאַכטער פון סעדער און גערטנער. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-יידישע דערציאונג.

געבליבן יונג אַ יתום, ווערט ב. אַן אנגעשטעלטער, דערנאָך אַ סטאָלער. 1903 געקומען אין אַרגענטינע, וואו ער אַרבעט ווייטער ביי זיין פאַך, און די אָוונטן פאַרנעמט זיך ב. מיט בילדונג, און ווידמעט זיך גלייכציִטיק צו ליטעראַרישע אַרבעטן. אַזוי באַטייליקט זיך ב. כמעט אין אַלע פּעריאָדישע יידישע אויסגאַבן פון אַרגענטינע, אָבער זיין תיקון האָט ב. [לויט ה. בלאָשטיין] געפונען אין דער דראַמע, אין וועלכער ער אַליין איז דאָס רוב געווען דער הויפּט העלד אָדער אַ נאָענטער קרוב צו די פּערסאָנאַזשן, וועלכע ער שילדערט.

פון ב.'ס פּיעסן זיינען אין אַרגענטינער יידישן טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן אין 1916 „צווישן צוויי פייערן", 1921 — „בוענאָס איירעסער קינדער" און די איינאַקטערס „שיפּספּריינד" און „די לעצטע זינד".

דעם 28טן אויגוסט 1925 איז ב. געשטאָרבן אין בוענאָס-איירעס.

נאָך ב.'ס טויט האָט אַ קאָמיטעט אַרויסגעגעבן אין 1926, פון אַ ספּעציעל געגרינדעטן פאָלקס-פאָנד און פון אַ קליינער ירושה פון פאַרשטאָרבענעם, זיינע „געקליבענע שריפטען" [בוענאָס-איירעס, 224 ז.] אין בוך גייען אַריין אַ בילד פון פאַרשטאָרבענעם, „ביים קבר פון אהרן בראָדסקי" פון ה. בלאָשטיין, „נאָכוואָרט" (בראָדסקיס לויה) פון בראָדסקי-קאָמיטעט, ב.'ס 2 דערציילונגען און די פּיעסן: „טאַמאַראַ" (1טער אַקט פון דער ניט פאַרענדיקטער דראַמע פון יידישן לעבן אין רוסלאַנד „טאַמאַרע" אָדער, „אין תהום פון לעבן), „די לעצטע זינד", דראַמאַטישער עטיוד אין איין אַקט, „שיפּס-פריינט", אַ בילד פון יידישן לעבן אין אַרגענטינע, „בוענאָס-איירעסער קינדער", דראַמע אין פיר אַקטן פון יידיש-אַרגענטינישן לעבן (פראַגמענט געדרוקט אין דער יובילײ-אויסגאַבע פון „די אידישע צייטונג", יאַנואַר 1925) און „פאַמיליען-גליק", אַ קאָמעדיע אין איין אַקט פון יידיש אַרגענטינישן לעבן.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, ז. 394.

ה. בלאָשטיין — ביים קבר פון אהרן בראָדסקי (אהרן בראָדסקיס „געקליבענע שריפטען", ב. איירעס 1926, זז. 16-3).

דער בראָדסקי-קאָמיטעט — נאָכוואָרט (דאָרט, זז. 4-221).

אונזער אַלבום [אהרן בראָדסקי], „דער שפּיגל", ב. א., 1 אויג. 1929.

בראָדערזאָהן, משה

געב. 23 נאָוו. 1890 אין מאָסקווע, רוסלאַנד. פֿאָטער — אַן אייניקל פון גוטן יידן ר׳ איצעלע ראַסקין — האָט נאָכן גירוש מאָסקווע זיך באַזעצט אין לאָדזש, און ב. איז אויפגעצויגן געוואָרן ביי זיין זיידן אין נעסוויזש, ווייס-רוסלאַנד, וואו ער האָט פון 4 ביז 9 יאָר געלערנט אין חדרים, דערנאָך געקומען קיין לאָדזש, באַזוכט די אָרטיקע האַנדלס-שול, שפּעטער געוואָרן אַ בוכהאַלטער, און אָנגעהויבן שרייבן קורצע דערציילונגען אין דער לאָדזשער יידישער פּרעסע, און אין 1914 אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון זיינע לידער א״נ „שוואַרצע פּליטערלעך“ (לאָדז, 1914). די קריג-און רעוואָלוציע-יאָרן פאַרבראַכט אין מאָסקווע. אין 1918 צוריקגעקומען קיין לאָדזש, וואו ער גרינדעט דעם קרייז „יונג-אידיש“ און גיט אַרויס אייניקע עקספּרעסיאָניסטישע דראַמאַלעטן: „אַ חתונה׳קע“ (פֿאָרשטעלונג, פאַרלאַג „יונג-אידיש“, לאָדזש, תר״פּ) [31 ז. 32°], „שניי-טאַנץ“. (גראָטעסק פֿאָרשטעלונג, פּ״ג „י״א“) (תרפּ״א) [31 ז. 32°], „צונגענלונגען“ (מאַריאָנעטן-שפּיל, פּ״ג „י״א“) [32 ז. 32°], „די מלכה שבא“ (דראַמאַטישע פּאָעמע), פּ״ג „י״א“, [32 ז. 32°], „תחית המתים“ (מיסטעריע, האָלצשניטן פון י. ברוינער, די הילע פון יעקב אַדלער, פּ״ג „י״א“) [31 ז. 16°], „דער רויטער רייטער“ (פֿאָרשטעלונג, פריער געדרוקט אין דער „פֿאָלקס-צייטונג“, דערנאָך פאַרלאַג „די וועלט“, וואַרשע, 1921) [16 ז. 16°], „מאַנדראַגאָרן“ (בראשית פֿאָרשטעלונג), געדרוקט אין „רינגען“, 9-7, וואַרשע, 1921.

אין 1922 האָט ב. צוזאַמען מיט י. מ. ניימאַן, יצחק ברוינער און הענעך קאָן געשאַפן אין לאָדזש אַ יידיש מאַריאָנעטן-טעאַטער „חד-גדיא“, וועלכעס פלעגט אָפּלצעוועט פון דער יידישער ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער וועלט. ב. האָט אויך איבערזעצט קאַלמאַן אָפּערעטע „באַיאַדערא“, וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן אין לאָדזשער סקאַלאַ טעאַטער מיט נחמה אַלס „באַיאַדערא“, און שפּעטער אין די יידישע טעאַטערס אין פאַרשיידענע לענדער.

דעם 14 מאַי 1924 איז אין וואַרשעווער קאַמינסקים טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ב.׳ס אָפּערע אויף יידיש „דוד און בת-שבע“ (מוזיק פון הענעך קאָן, דעקאָראַציעס יצחק ברוינער). אין זעלבן יאָר פּרובט ב. שאַפן אין לאָדזש אַ יידיש וואַריעטע-טעאַטער „שור הבר“, און דרוקט אָפּ אין „ליטעראַרישע בלעטער“ (33, 1924) „דער פּאָעט און די דינסטמויד“ (אַ קורצער ביטערער שפּאַס) און שרייבט אַן אַ ליברעטאָ פאַר אַן אָפּערע „מאַניש“ לויט פּרץ׳ס באַלאַדע.

נאָכדעם ווי ב. זעצט איבער אייניקע אייראָפּייאישע אָפּערעטן ווי „דאָס האָלענדישע מיידל“, „מערי“, און „דאַלי“ פּאָרט ער אַרום אין 1925 מיט „וואָרט-קאָנצערטן“ איבער פּוילן, פאָרלייענענדיק צ. א. אויך זיינע דראַמאַלעטן. דעם 19 אָקטאָבער 1926 ווערט אין וואַרשע דורך זיגמונט טורקאָוו אויפגעפירט גאָלדפאַדענס „צענטע געבאָט“ מיט אינטערמעדיעס פון ב.

אין 1926 גרינדעט ב. אין לאָדזש אַ דראַמאַטישע שול פון וועלכער עס אַנטשטייט אין 1927 אַ יידישע קליין-קונסט-בינע א״נ „אררט“. ב. שרייבט פאַר דעם דאָזיקן טעאַטער בערך יעדע זעקס וואָכן אַ פּראָגראַם פון אייניקע איינאַקטערס און סצענקעס, וועלכע ער רעזשיסירט אויך.

ב. שרייבט אויך אָפט אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער און רעצענזיעס א״פּ בראָדערזינגער. אין די פּראָגראַם צעטלען פון „אררט“

פּראָפּאַגאַנדירט ב. פאַר אַן אָריגינעלן יידישן טעאַטער-נוסח.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I. זז. 404-401.
אַלטער קאַציזנע — די אָפּערע דוד און בת־שבע, „ליט״בל“ 3, 1924.
י. וואַסערמאַן — דער עקספּערימענט פון אַ קאַמער־שפּיל. „ליט״בל“ 3, 1924.
א. אַלפּערין — משה בראָדערזאָן, „ליט״בל“, 105, 1926.
מיכאל ווייכערט — „טעאַטער און דראַמע“, וואַרשע, I, 185-173, II, 66-63.

בראָדערזינגער און פֿאָלקסזינגער

דר. יצחק שיפּער כאַראַקטעריזירט די „בראָדערזינגער“ אויף פאָלגנדיקן אופן: „ביז צום באַווייזן זיך פון די „בראָדערזינגער“ זיינען די דראַמאַטישע פֿאָרשטעלונגען אויף יידיש צוזאַמען מיטן דראַמאַטיזירטן אָדער ניט דראַמאַטיזירטן „שימף“ (שאַרפע סאַטירע אָדער די טענדענציעזע שילדערונג און באַלייכטונג פון אַקטועלע פראַגן און געשעענישן) געווען ענג פאַרבונדן מיט רעליגיעזע פייערלעכקייטן. די מיטלאַלטערלעכע לצים און די שפּעטערדיקע „נאַרן“ ביי יידן האָבן פונקט ווי זייערע שפּעטערדיקע נאָכפאָלגער (די מאַרשעליקעס — בדחנים און פורים-שפּילער) געקענט באַווייזן זייער קונסט נאָר ביי באַשטימטע, רעליגיעז-סטימולירטע געלעגנהייטן: למשל ביי חתונות, בריתן, פורים, חנוכה און אַמאָל אויך שמחת-תורה.

די „בראָדערזינגער“ זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אַראָפּגענומען דעם יום-טובדיקן שלייער פון דער פֿאָלקס-דראַמאַטיק, און זי אָנגעהויבן פּראָדוצירן אין פּשוטע וואָכן-טעג.
צווייטנס:

די אַלט-מאָדישע פּיאָנערן פון דער דראַמאַטישער קונסט פלעגן בדרך-כלל אַרויסטרעטן אין פּריוואַטע הייזער, אין די ראַמען פון אַלטפרענקישן יידישן פאַמיליע-לעבן. בלויז דער פּורימדיקער וואַנדער-טעאַטער איז אין דער הינזיכט געווען אַן אויסנאַם, און פלעגט געבן פֿאָרשטעלונגען פאַר אַ געמישטן עולם פון פאַרשיידענע קרייזן און שיכטן, און אַמאָל אויך פאַר יידן און קריסטן.

ברייטער זיינען אויך געווען די ראַמען פון די פאַרוויילונגען אין די רבישע הויפן, וואו עס פלעגן זייט סוף פון 18טן יאָרהונדערט אַרויסטרעטן „הויפישע לצים“, „רבישע בדחנים“ און אום פּורים — „פּורים-שפּילער“. דאָ איז דאָס פּובליקום באַשטאַנען פון די חסידים, אָרטיקע און צוגעפאָרענע.

די דאָזיקע צוויי אויסנאַמען ענדערן אָבער ניט דאָס אַלגעמיינע בילד, אַז ביז לערך דער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, זיינען די דראַמאַטישע פֿאָרשטעלונגען אויף יידיש געווען באַרעכנט בדרך כלל אויף די ענגע ראַמען פון פאַמיליע-לעבן, און זיי זיינען דעריבער פֿאָרגעקומען אין די פיר ווענט פון פּריוואַטע שטובן.

די „בראָדערזינגער“ זיינען די ערשטע, וואָס פאַרלאָזן די פּריוואַטע שטוב, זיי גייען ניט מער איבער די הייזער ווי למשל די פּורים-שפּילער, נאָר זיי אָרגאַניזירן אַ מין „אויבער-ברעטל“, מיניאַטור-בינעס אין די שענקן, וויין-קעלערס אָדער אין די גערטלעך פון די רעסטאָראַנען, און דאָרט גיבן זיי פֿאָרשטעלונגען פאַר אַן עולם פון צופעליקע און שטענדיקע געסט.

די בראָדערזינגער האָבן דאָס רוב גענאַשט פון השכלה, און מאַנכע פון זיי, ווי זייער הויפּט פירער וועלוועל זבאַרזשער, געהערן אפילו צו די באַדייטנדסטע השכלה-דיכטער פון יענער תקופה.

די „בראָדערזינגער“ ווילן לכתחילה מיט זייערע אַרויסטרעטונגען בלויז אַמוזירן דעם עולם. זיי מיידן אויס דראַמאַטישע טעמעס, און שטעלן פאָר פאַרשיידענע טיפּן פון יידישן לעבן אויף אַזאַ אופן ווי זיי וואָלטן ניט אויסן געווען מער ווי נאָר די שילדערונג, די בילדלעך אַליין. זייערע מאָטיוון גייען האַנט ביי האַנט מיט די קלאַסישע מאָטיוון פון דער השכלה-ליטעראַטור: זיי דעקן אויף די געזעלשאַפטלעכע סתירה צווישן אָרעם און רייך, ווייזן אויף די נישטיקייט פון אַלטע יידישע פּרנסות און טראָגן אַריין אַ רעאַליסטישן וועלט-קוק, פּראָפּאַגאַנדירן אידעען פון פּראָדוקטיווער אַרבעט (ווי מלאכה און ערד-אַרבעט) און פון בילדונג.

זיי מאַכן עס אָבער אינטימער און פּאָרזיכטיקער ווי די גדולים פון די השכלה-דיכטער, זיי שטעכן ניט און בייסן ניט, זיי ליבן מער ווי זיי האַסן, און דעריבער איז אויך זייער ווירקונג אַ סך גרעסער ביי די מאַסן ווי די ווירקונג פון די השכלה-שרייבער. די לידער פון די „בראָדערזינגער“ וועגן פאַסטוכער, בעלי-מלאכות און בכלל אָרעמע לייט, ווערן אויפגעכאַפּט פון דער מאַסע ווי טייערע מתנות, און זיי ווערן באַלד נאָכגעזונגען אין יעדן וואַרשטאַט און ביים פאָלק.

אַ גרויסער טייל לידער פון די „בראָדערזינגער“ וואַנדערן איבער פון די שענקן אין דער גאַס אַריין און ווערן „פאָלקסלידער“, וואָס צירקולירן נאָך ביז היינט אין פאַרשיידענע שטעטלעך פון מזרח-אייראָפּע.

מען קאָן זאָגן, אַז די בראָדערזינגער האָבן דורך זייערע לידער און סצענעס פּראַגמאַטיש מער אויפגעטאָן צווישן די מאַסן פאַר דער אידעע פון אויפקלערונג און פאַרוועלטלעכונג ווי די משכילישע אָפּיציאָזן.

די השפּעה פון די „בראָדערזינגער“ לאָזט זיך אויך מערקן אויף די בדחנים פון יענער צייט. אַ טייל בדחנים פאַרלאָזן די אַלטע אויסגעטראָטענע וועגן פון „בדחנים-קונסט“, און הויבן אָן אַרויסטרעטן פאַרן עולם מיט לידער, מאָנאָלאָגן, אַלאַ די „בראָדערזינגער“.

בכלל שאַפט זיך [לויט דר. י. שיפּער] אַזאַ נאָענטער קאָנטאַקט צווישן בדחנים און די „בראָדערזינגער“, אַז מען קאָן טיילמאָל ניט אונטערשיידן וואו עס ענדיקט זיך דער בדחן און וואו עס הויבט זיך אָן דער בראָדערזינגער. בדחנים און משוררים ביי חזנים ווערן פּלוצלונג נעלם און אין אַ צייט אַרום טרעפט מען זיי אין די ווייַן-קעלערס אַלס „בראָדערזינגער“. עס טרעפט אויך, אַז אַ „בראָדערזינגער“ רייסט זיך אָפּ פון זיין אַרבעט אין די פאָלקס-קאַבאַרעטן און ווערט אַ בדחן.

ב. גאָרין שילדערט די „בראָדערזינגער“ אַזוי:

אין די פופציקער יאָרן [פון 19טן יאָרהונדערט] האָט זיך באַוויזן ביי יידן אַ נייער מין אונטערהאַלטונג, וואָס האָט נאָר געקאָנט געמאָלט זיין ווען די שול, דער בית-המדרש און דער קלויז האָבן אויפגעהערט צו פאַרשפּרייטן זייער גייסטיקע השפּעה אויף אַ געוויסן טייל יידן. עס האָבן זיך באַוויזן די אַזוי־גערופענע „בראָדערזינגער“. מיטן דאָזיקן נאָמען ווערט ניט געמיינט אַ באַשטימטע פּערזאָן, אָדער אַ באַשטימטע טרופּע. דאָס איז אַ כלל-נאָמען פאַר די זינגער, וואָס האָבן געשטאַמט פון בראָדי, און האָבן אונטערהאַלטן יידן מיט זייערע לידער און פּרימיטיווע פאָרשטעלונגען אין די פופציקער, זעכציקער און זיבעציקער יאָרן [פון 19 יאָרהונדערט] ביז גאָלדפאַדען האָט זיך באַוויזן [די בראָדערזינגער האָבן אויך ווייטער עקזיסטירט]. דאָס זיינען געווען פּראָפעסיאָנעלע זינגער, וואָס האָבן מיט חזנות גאָרניט געהאַט צו טאָן. זיי פלעגן זינגען אין לאָקאַלן, וואו דער עולם איז געזעסן ביי אַ גלאָז וויין און זיך משמח געווען. זיי האָבן געזונגען פאַרשיידענע לידלעך, וואָס האָבן געהאַט אַ קאַפּע-שאַנטאַן-כאַראַקטער, מיט דער מימיק און תנועות ווי אַזעלכע לידלעך ווערן געוויינלעך באַגלייט אין קאַפע-שאַנטאַנען.

וואָס נענטער צו די 70-ער יאָרן איז אַלץ גרעסער געוואָרן די צאָל פון אַזעלכע זינגער-גרופּן, און זיי האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער גאַליציע, רומעניע און פון דאָרט קיין רוסלאַנד. וואָס שפּעטער הויבן אָן די דאָזיקע אונטערהאַלטונגען צו באַקומען דעם כאַראַקטער פון פאָרשטעלונגען. עס איז שוין ניט גענוג צו באַגלייטן די לידלעך מיט תנועות און העוויות. מען דאַרף שוין די לידלעך איינפלעכטן אין פּראָזע, און עס זאָל אויסקומען עפּעס אַ היתר צום לידל. די זינגער טרעטן שוין ניט אַרויס פאַרן עולם אַזוי ווי זיי שטייען און גייען, נאָר זיי האָבן באַזונדערע מלבושים, וואָס זאָלן זיך פּאַסן צום כאַראַקטער פון די לידלעך. דערצו דאַרף מען זיך שוין אָבער אויך גרימירן, און דאָס ווערט געטאָן אויפן פּרימיטיווסטן אופן.

די „פּראָזע“ וואָס די זינגער האָבן געזונגען איידער זיי זיינען צוגעקומען צום ליד, איז ניט געווען קיין געשריבענע, נאָר די זינגער האָבן עס אַליין פאַרפאַסט, און האָבן עס גערעדט בעל-פּה. זיי האָבן געקאַנט ענדערן די ווערטער, צוגעבן המצאות און טאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט. דער עיקר ביי אַזאַ מין פאָרשטעלונג זיינען געווען די לידער, וועלכע זיינען שוין ניט געווען קיין שאַנטאַן-אַרטיקע, נאָר גאָר פון אַ העכערן סאָרט. זיי זיינען געווען געשריבן פון וועלוועלע זבאַרזשער, אליקום צונזער און אין אָנהויב פון די זיבעציקער יאָרן אויך פון גאָלדפאַדען און לינעצקי. קאַפּע-שאַנטאַניש זיינען על פּי רוב געווען די דועטן.

יעדע געגנט האָט זיך געהאַט אירע באַרימטע זינגער און איר פּראָגראַם. עס איז שוין ניט גענוג געווען צו באַזיצן בלויז אַ שטים. די זינגער האָבן געדאַרפט קאָנען געבן אַ מין פאָרשטעלונג. וואָס לעבעדיקער איינער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַלץ גרעסער איז געוואַקסן זיין נאָמען צווישן די באַזוכער פון די ווייַן-קעלערס.

ווי פּרימיטיוו די פאָרשטעלונגען זיינען געווען, זיינען די זינגער אָבער פאָרט, אין אַ געוויסער פאָרם, געווען אַקטיאָרן, און הגם זיי האָבן נאָר געהאַט געציילטע ראָלן, ווי „אַ חסידל“, „אַ דייטש“, „אַ ווייבל“, האָבן זיי אָבער געמוזט געפינען באַוועגונגען, האַלטונג און טאָן-אַרט פאַר די דאָזיקע כאַראַקטערן.“

אברהם גאָלדפאַדען, ריידנדיק אין זיין אויטאָביאָגראַפיע וועגן ערשטן יידישן אַקטיאָר, דער פריערדיקער בראָדערזינגער ישראל גראָדנער, שילדערט די „בראָדערזינגער“ אויף פאָלגנדיקן אופן:

„מיר וועלן מוזן אויף אַ ווייַלע איבעררייסן דעם פאָדעם פון אונזער געשיכטע און פאַרקניפּן אין איר נאָך אַ וויכטיקן עפּיזאָד, וועלכער וועט ערקלערן די אַמאָליקע „לידער-זינגער“, און וועלכע באַגעבנהייט האָט, ווי אַ פאָרשפּיל אָדער „אינטערדוקציע“ געמאַכט ערוועקן אין מיר דאָס געפיל און די אידעע אויפצובויען דעם צוקונפטיקן קונסט-טעמפּל פאַר דעם יידישן פאָלק.

מיט פילע יאָרן צוריק, פאַר דעם אָנפאַנג פון אונזער געשיכטע, האָבן זיך אין דער שטאָט בראָדי (אין גאַליציע) געיאָוועט אַ סאָרט „מינענזינגער“, באַקאַנט מיט דעם נאָמען „די בראָדערזינגערס“ — אַזוי ווי „בדחנים“ פלעגן אונטערהאַלטן אין יענער צייט דעם עולם אויף חתונות, פלעגן די „זינגערס“, אויסער חתונות, אונטערהאַלטן דעם עולם אַ גאַנץ יאָר כמעט, ווייל דער עולם איז מייסטנס באַשטאַנען פון פרעמדע סוחרים, איבער-

הויפט רוסישע יידן, וועלכע פלעגן, פאָרנדיק פון לייפציגער מעססע זיך אָפשטעלן אין בראָדי, וואָס איז דאַמאָלסט געווען דער הויפט-פונקט פון אַלע אויסלענדישע מסחרים — די לידל-זינגער האָבן אונטערהאַלטן די פריילעכע סוחרים, און עס איז געוואָרן אַ געשעפט.

ווען שפעטער, איבער דער גרויסער קאָנקורענץ, איז בראָדי געפאַלן, האָבן די זינגערס געמוזט איבערטראָגן זייער געשעפט נאָך רוסלאַנד, און (ווי איינער פון די „בראָדער" האָט מיר דערציילט" זיינען זיי געקומען נאָך וואַרשע מיט דער האָפנונג אין דער יידן באַפעלקערטער פוילישער הויפטשטאָט פאָרטצוזעצן זייער געשעפט. זיי האָבן אָבער דאָס ערשטע מאָל געליטן אַ גרויסע נידערלאַגע, ווייל מען האָט דאַמאָלט נאָך ניט פאַרשטאַנען, אַז מען זינגט אַ יידיש לידל, דאַרף מען צאָלן געלט — מיט שווערער נויט האָבן זיי זיך צוריקגעשלעפט אַהיים — ערשט שפעטער מיט אַ יאָר האָט אַ וואַרשעווער רעסטאָראַטאָר געהאַט אַ גרויסן לאָקאַל און האָט, פאַר פראָבע, באַצויגן די „בראָדער", און אַז דאָס געשעפט האָט אָנגעהויבן גוט צו גיין, האָבן זיך די זינגערס אָנגעהויבן צו פרוכפערן און מערן און [זיינען] אַרומגעפאָרן אין אַלע קליינע יידישע שטעטלעך אין רוסלאַנד, גאַליציע און רומעניע.

אָנפאַנגס האָט דער אינהאַלט פון די יידישע פאָלקס-לידער געטראָגן אַן ערנסטן כאַראַקטער, די מעלאָדיען זיינען געווען אָנגענעמע, אָבער טרויעריקע, וויינענדיקע, נאָך דער דאַמאָלטדיקער יידישער פאַרפאָלגטער לאַגע.

די זינגערס האָבן געזען, אַז מיט דער מעטאָדע קאָנען זיי ווייט ניט גיין צו אונטערהאַלטן דעם פראָסטן עולם מיט: „איך בידנע שומר", „איך בידנע פאַסטוך", „איך בידנע וואַסערפירער", א. א. וו., זיינען זיי געפאַלן אויף אַ פלאַן ביים ליד זיך „קוסטימירן" [קאָסטיומירן] — דאַן האָט עס געהייסן „זיך פאַרשטעלן". אַז ער האָט געזונגען „דעם בעל-העגלה", האָט זיך דער זינגער טאַקע אָנגעטאָן ווי אַ בעל-העגלה מיט אַ רויטן גאַרטל און איז אַריינגעקומען מיט דער בייטש, און האָט, געוויינלעך, געמאַכט די מימיק פון אַ בעל-העגלה, וואָס דאַן האָט עס געהייסן — ער מאַכט „אָנשטעלן", דערביי האָט ער נאָך געכאַפט אַ טענצל און דער עולם איז באַלעבט געוואָרן".

ראובן ווייסמאַן, וועלכער האָט זייער אָפט געהערט די בראָדערזינגער אין די אָדעסער ווינקעלערס, איז אין דער מיינונג, אַז זיי האָבן ניט געהאַט קיין שום דידאַקטיש-דערציערישע כונות און זיכער ניט די כונה צו פאַרשפרייטן השכלה.

געניו פעסטשטעלן די צאָל „בראָדערזינגער" אָדער אָנרופן זייערע נעמען איז שווער, ווארום אין פאַרלויף פון איניקע יאָר האָבן זיי זיך צעשפרייט איבער גאַנץ מזרח-אייראָפע. טייל זיינען נאָר געווען אַ קורצע צייט „בראָדערזינגער" און זיינען שפעטער צוריק געוואָרן בעלי-מלאכות, משוררים, אָדער בדחנים. אַנדערע ווידער זיינען געוואָרן אַקטיאָרן. עס האָבן אויך מיט דעם נאָמען „בראָדערזינגער" אָנגעהויבן זיך באַנוצן אַזעלכע זינגער, וועלכע האָבן גאָר ניט געהאַט קיין שום שייכות צו די „בראָדערזינגער". מאַנכע פון זיי זיינען געווען געבוירענע אין דרום-רוסלאַנד, און זיינען גאָר קיינמאָל אפילו ניט געווען אין גאַליציע.

בדרך כלל גענומען רעכנט מען אַלס דעם טאַטן פון די „בראָדערזינגער" דעם זינגער און לידער-שרייבער בערל בראָדער און אַלס די הויפט קראַפט פון די בראָדערזינגער דעם פאָלקסזינגער און דיכטער וועלוועל זבאַרזשער (ערענקראַנץ). פון די אַנדערע „בראָדער" און „פאָלקס-זינגער" זיינען באַקאַנט די גאַליציאַנער פאָלקסזינגער בירך שאַפיר, אפרים בראָדער, יצחק כאַנאַט (ליפעלע), יאַקאָווקע-קאַפקע (דובינסקי), אברהם קאַפקע, דוד שטעפלער (פאַרקע), שמאילע דער הייזעריקער, דאַנציגער, מענדעלע ראָטמאַן, משה מרדכי, אהרן ראָטינער, משה דער בלינדער, איציק שיינער, חנא זבח, ירוחם פיצעלע, עוזר דער רויטער, דעסער און פרוי, שטיינער, פאַמיליע גאָלדוואורם, משה וויינטרויב, הערמאַן ווילד, בנימין דענצים, חנא שטרודלער, מאַקס בלומענפעלד, שמוליאַק, חיים-שמואל לוקאַטשער, משה קאָפ, אשר פייערשטיין, גלאַנץ און חיים בענדל. די רומענישע פאָלקסזינגער און שפילער: יאַנקעלע מיט דער האַרמאָניע, יעקב-יונה צימבלער (דימאַנט), יאָסעלע צימבלער (מאָשקאָוויטש), סענע שאַפיראָ, פיליפעסקאָ און זיין פרוי דזשאַנעטאַ. די רוסישע פאָלקסזינגער: הענעך לינעצקי און לייזער היטעלמאַן.

פאָלגנדיקע „בראָדער" און „פאָלקסזינגער" זיינען דערנאָך געוואָרן אַקטיאָרן: משה, הערמאַן און סאַלטשע וויינבערג, שלום פאָדזאַמטשע, סאַלטשאַ ווייזענפריינד, יעקב און פעפי ליטמאַן, יונה רייזמאַן, ברידער און פרוי קלוג [קלוק], קלמן יאָוועליר, סעם לודוויק, לעאָפאָלד קאַנער, ישראל גראַדנער, אברהם פישזאָן, יעקב ספיוואַקאָווסקי, היינע-חיימאָוויטש, דוד סאַבסיי, אהרן טאַגער, חיים אַבראַמאָוויטש, באָרים באַד-גוי (אַלטמאַן), משה טייך (גאַזניק), משה עייקל, מענדל אַבראַמאָוויטש און יעקב קאַצמאַן.

מ. ע. פון ראובן ווייסמאַן

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." I, זז. 144-147.

דר. יצחק שיפער — „די בראָדערזינגער", „מאָרגען", לעמבערג, 12, 19, 26 מערץ, 2, 9, 23, 30 אַפריל 1927.

גאָלדפאַדענס גרויסע אויטאָביאָגראַפיע — „גאָלדפאַדען בוך", ניו-יאָרק, 1926, זז. 50-51.

Dr. N. M. Gelber—Aus zwei Jahrhunderten, Wien und Leipzig, 1924, P. 72-73.

אברהם פישזאָהן — (זכרונות), „מאָ"זש", נ. י., 3 אַפריל, 1925.

אורי פינקעל — סאָציאַלע פיגורען אין גאָלדפאַדענס ערשטע ווערק. „צייטשריפט", מינסק, 1926. I. ז. 90.

מ. מיאָדאָווניק — מיינע טעאַטער-זיכרוינעס „שטערן", מינסק, 1, 1926.

אָדעסער פאָלקסזינגער

[זע ז. 37.]

בלומענפעלד, מאַקס

אַ פאָלקסזינגער. האָט אין אָנהייב פון די 80-ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט געזונגען אין וואַרשע אין וואָלף ליטוואַקס גערטנדל (פראַנטשישקאַנער 36) צוזאַמען מיט אהרן טאַגער, קאָפקע-דובינסקי, חיימאָוויטש און שמוליאַק ווי אויך מיט די כאָריסטן (די שפעטערדיקע אַקטיאָרן) בערל בערנשטיין, מאַקס גאָלדבערג, אברהם-יצחק טאַנצמאַן, שליפערשטיין און בעריש בעקערמאַן.

בעקערמאַן שילדערט אים אַזוי: „אַ הויכער, שיינער מאַן מיט אַ באַריטאָן-שטים וואָס די שויבן האָבן געציטערט".

ש. ע. פון בעריש בעקערמאַן.

בענדעל, חיים

[געב. 23 אַפריל 1847 — געשט. 15 פעב. 1913]

געב. 23 אַפריל 1847 אין לעמבערג. מוטער — אַ טאָכטער פון אַ מגיד. ב.'ס מוטער שטאַרבט ביי זיין געבורט, און ער ווערט אין זייער שלעכטע באַדינגונגען אויפגעצויגן ביי אַ שטיפמוטער, אַזוי.

אַז נאָך כמעט אַלס קינד טרעט ער אַריין צו די בראָדערזינגער, און פאָרט מיט זיי אַרום איבער שטעטלעך און דערפער, זינגט אין שענקן, און פאַרפאַסט אויך אייגענע גראַמען און לידלעך. בשעת הדחק איז ער אויך אַ שטיקל בדחן, שפּעטער באַקומט ער אַ קאָנצעסיע אויף יידיש טעאַטער, און פאָרט אַרום מיט יידישע טרופּעס איבער גאַליציע, בוקאָווינע און אונגאַרן.

אין עלטער פון 40 יאָר פאַרלאָזט ער זיך, אויף זיין פרוים פאַרלאַנג, אַ באָרד.

דעם 15 פעברואַר 1913 איז ב. געשטאָרבן אין לעמבערגער מושב־זקנים, איבערלאָזנדיק אַ זון, וועלכער האָט אויך געשפּילט יידיש טעאַטער.

צווישן ב.'ס פּאָפּולערע לידער זיינען: „די דאַמף־שיף" און „די אייזענבאַן" צו וועלכע חנא וואָלפסטאַל האָט פאַרפאַסט מוזיק.

ש. ע. פון זיין איידעם עמיל בראַמבערג.

מ. ע. פון משה שאָר, גרשום באַדער און סעם לודוויק.

בראָדער, אפרים

[שער ?]

ב. גאָרין שילדערט אים אַזוי: „שפּעטער [נאָך די ערשטע בראָדער] האָט זיך באַוויזן אפרים בראָדער. ער איז געווען מער אינטעליגענט. ער איז פריער געווען אַ בעל־תפילה, און האָט געהאַט אַ גוטע שטים. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ קליינע קאָמפּאַניע, און האָט אונטערגעהאַלטן דעם עולם מיט לידלעך, וואָס האָבן געדאַרפט שילדערן דאָס חסידישע לעבן. עס פאַרשטייט זיך, אַז די לידער זיינען באַגלייט געוואָרן מיט חסידישע העויות און תנועות."

דר. י. שיפּער דערגענצט די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק: „... איז געווען פאַרבונדן מיט חסידישע קרייזן. אָנגעצונדן דורך יאַקאָווסקיס אַרויסטרעטונגען האָט ער צוזאַמענגעשטעלט..."

סעם לודוויק שילדערט אים אַלס ייד מיט אַ לאַנגער באָרד. געשטאַמט פון בראָד. זיין פאַמיליע־נאָמען איז בראָדער און ער איז געשטאָרבן אין בראָד, וואו ס'איז אויך פאַראַן אַ מצבה אויף זיין קבר.

שלום פאַדזאַמטשע, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן מיט אים, גיט איבער, אַז באמת האָט ער געהייסן אפרים שער, און איידער ער איז געוואָרן אַ בעל־תפילה און פאָלקסזינגער, איז ער געווען אַ שניידער.

מ. ע. פון סעם לודוויק און שלום פאַדזאַמטשע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." I. ז. 144.

דר. י. שיפּער — די בראָדערזינגער, „מאָרגען", לעמבערג, 26 מערץ, 1927.

אברהם פישזאָן — (זכרונות), „מא"זש", 3 אַפּריל, 1925.

בראָדער, בערל

[געב. 1815-7 [?] — געשט. 1868-1880 [?]

דר. נ. מ. געלבער, דער מחבר פון אַ מאָנאָגראַפיע איבער בערל בראָדער, גיט איבער פאָלגנדיקע פרטים וועגן זיין ביאָגראַפיע: געב. 1817 אין בראָד אַלס זון פון אַ מיטלמעסיקן בראָדער סוחר. געהייסן אייגנטלעך מאַרגוליעס, נאָר מען האָט אים גערופן אויפן נאָמען פון דער שטאָט [בראָדי — בראָדער]. זיין פאָטער האָט געהאַנדלט מיט ליים און ציגל, פון וואָס ער האָט געהאַט אַ גוטע הכנסה, ווייל מען האָט צו יענער צייט אין בראָד — ס'איז געווען נאָך אַ שרפה — אַ סך געבויט. זיין יונגסטן זון, בערל, וועלכן ער האָט באַזונדערס זייער ליב געהאַט, האָט ער געשיקט אין חדר, וואו ער האָט געלערנט מיט גרויס התמדה גמרא. באַלד שטאַרבט אָבער דער פאָטער, און כדי צו דערנערן דאָס הויזגעזינד, מוז די אלמנה צוזאַמען מיט איר עלטערן זון אברהם, עפענען אַ געשעפט פון טעפּ. בערל מוז אויך איבעררייסן די לימודים, און אָנהייבן פאַרדינען זיין ברויט. ער ווערט אַ חזיר־האָר אַרבעטער, אַ מלאכה, וואָס איז דאַמאָלט זייער אָנגענומען אין בראָדי, ווייל פון דאַנען פלעגט גיין דער עקספּאָרט פון בערשטן קיין רוסלאַנד. בערל איז באַלד געוואָרן אַזאַ טיכטיקער בעל־מלאכה, אַז ער איז איבערגעשטיגן זיינע חברים. פון דער נאַטור אַ וויציקער און באַרעדעוודיקער, האָט ער בעת דער אַרבעט אַמוזירט די חברים בערשטער מיט ווערטלעך און לידלעך, און דערפאַר האָט ער באַקומען דעם נאָמען „בערל דער ווערטל־זאָגער".

אין אייניקע יאָר אַרום איז ב. געוואָרן דער איינקויפער ביי אַ גרויסער עקספּאָרט־פירמע אין בראָדי. ער האָט שוין מער אַליין ניט געאַרבעט, נאָר ער פלעגט פאָרן אין די ענינים פון דער פירמע קיין רוסלאַנד. אין עלטער פון 25 יאָר האָט ער חתונה געהאַט, האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין פּאָדקאַמיען, ביי בראָדי, פון וואַנען ער פלעגט אַהיימקומען נאָר אויף שבת.

אַרום 1857 איז ב. אַוועק אויף אַ לענגערע צייט קיין דרום־רוסלאַנד, און אין די אכסניות אין וועלכע ער פלעגט איינשטיין, פלעגט ער אָפט פאָרזינגען פאַר זיינע פריינט זיינע לידער, און אויף זייער איניציאַטיוו פלעגט ער אויך עפנטלעך אַרויסטרעטן, ביז אַרום אים האָבן זיך גרופּירט אייניקע זינגער, שטיקלעך בדחנים און משוררים, וועלכע ס'איז אַזוי „ניט געגאַנגען" און זיי זיינען גרייט געווען זיך אַרויסצולאָזן איבער פאַרשיידענע שטעט. אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען די ערשטע גרופּע יידישע פאָלקסזינגער, וועלכע האָט זיך, לויט דעם פירער, גערופן „די בראָדערזינגער".

ב. ציט זיך צוריק פון מסחר, און הייבט אָן ערנסט זיך אָפּצוגעבן מיט זיין נייער פּראָפעסיע. ער מוז פאַרפאַסן אַ סך לידער כדי זיין קאָמפּאַניע זאָל יעדע נאַכט האָבן אַ ניי פּראָגראַם. ער מוז אָבער אַ חוץ דעם טעקסט פון די לידער, זיך אויך אָפּגעבן מיט דער שוישפּילערישער זייט, וואָרום יעדעם ליד, וואָס ער זינגט, שפּילט ער אויך אָפּ, באַזיצנדיק אַ גלענצנדע מימיק.

אין משך פון אַ קורצער צייט ווערט ב. אַזוי פּאָפּולער, אַז מען זינגט זיינע לידער אומעטום. וואו ער קומט פאַרבעט מען אים, ענלעך ווי די בדחנים, צו שמחות, פריילעך צו מאַכן די געסט. ער בלייבט אין רוסלאַנד אייניקע יאָר, אַרויסטרעטנדיק כמעט אין אַלע גרעסערע יידישע מקומות, דערנאָך פאָרט ער צוריק קיין בראָדי, וואו ער טרעט אַרויס עפנטלעך אַלס פאָלקסזינגער.

אין בראָדי האָט דאַמאָלט עקסיסטירט אַ גאַסטהויז פינקוס, וואו אויפגעקלערטע יידישע סוחרים פלעגן זיך אין די אָוונטן צוזאַמענקומען ביי אַ גלעזל וויין. ב. ווערט אַהין פאַרבעטן צו זינגען זיינע לידער, און האָט אַ גרויסן דערפאָלג. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אין בראָדי געעפנט אַ מין יידישער קאַבאַרעט, דער ערשטער אין גאַליציע.

אויפן פאַרלאַנג פון זיינע באַקענטע דרוקט ב. זיינע לידער. טייל לידער פלעגט ער מאַכן אויף באַשטעלונג, און אין זעלבן אָוונט זיי נאָך זינגען. ב. פלעגט אויך אַליין פאַרפאַסן די מעלאָדיעס, על פי רוב סינאַגאָגאַלע אָדער ענלעכע צו די פריילעכע, לוסטיקע חסידישע נגונים.

אַרויסטרעטנדיק אַמאָל אויף אַ שמחה, טרעפט זיך ב. צוזאַמען מיטן בדחן נפתלי דער גראַמענזאָגער, וועלכער וואַרפט אים פאָר, אַז בעת ער [נפתלי] פאַרפאַסט זיינע לידער עקספּראָמט, קאָן בערל זינגען נאָר פון אָנגעשריבענע לידער, און ס'קומט פאָר צווישן זיי

א דועל אויף עקספּראָמטע לידער, פון וועלכן בערל גייט אַרויס דער זיגער. צו יענער צייט באַקענט זיך בערל מיט וועלוול זבאַרזשער, וועלכער איז זיינער אַ קרוב.

ווען בראָדי איז צוליב אַן עקאָנאָמישן קריזיס פאַראָרעמט געוואָרן, האָט בערל פאַרלאָזט די שטאָט און אָנגעהויבן וואַנדערן. ער איז מיט זיין חברה זינגערס אַרומגעפאָרן כמעט איבער אַלע גרעסערע שטעט פון מזרח־גאַליציע, וואו ער האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. דערנאָך איז ער געפאָרן קיין רומעניע, וואו ער איז שוין געבליבן ביז זיין טויט. דאָ האָט ער ווייניק נייע לידער געשריבן, און זיין קינסטלערישע טעטיקייט באַגרעניצט ער דערמיט, וואָס ער האָט פאָרגעלייענט זיינע פריערדיקע לידער. ער איז דאָ ניט געווען צופרידן פון זיין לעבן, ווייל עס האָט אים געפעלט די לוסטיקע, אויפגעקלערטע השכלה־געזעלשאַפט פון בראָדי, וועלכע האָט פאַר זיין קינסטלעריש שאַפן אַרויסגעוויזן מער פאַרשטענדניש ווי די רומענישע יידן, וועלכע זיינען דאַמאָלט געווען כמעט אָן בילדונג, און האָבן פון אים געוואָלט הערן נאָר „קאָמישע לידער", פון וואָס זיי זאָלן לאַכן. בערל האָט זיינע לעצטע יאָרן געלעבט אין אָרעמקייט, און זאָל זיין אין 1880, אין עלטער פון 63 יאָר געשטאָרבן אין אַ קליינער שטאָט ביי בוקאַרעסט. [לויט א. ליטווין — אין פּליעשטש].

אינגאַנצן אַנדערע ביאָגראַפישע דאַטן וועגן בערל בראָדער גיט איבער מ. ל. פּעטשעניק („ליט. בל.", וואַרשע, 55, 1925) אויפן יסוד פון אַ שמועס מיט בערלס זון, דעם שריפטשטעלער יצחק (פּסעווד. „ים הציוני").

לויט די דאָזיקע אינפאָרמאַציעס זאָל בערל מרגליות (אַזוי האָט זיך בערל בפירוש אונטערגעשריבן) זיין געבוירן 1815 אין פּאָדקאַמיען. זיין פאָטער, יצחק, איז געווען אַן אָרעמער גמרא־מלמד, און ניט האָבנדיק קיין פּרנסה אין קליינעם שטעטל, האָט ער זיך מיט דער פאַמיליע אַריבערגעטראָגן קיין בראָד, וואו רייכע יידישע סוחרים האָבן אים געגעבן צו קנעלן מיט זייערע קינדער. בערל האָט קיין באַזונדערע התמדה צום לערנען ניט אַרויסגעוויזן, און אַזוי ווי זיין פאָטער האָט געזען, אַז ס'וועט פון אים „קיין לייט ניט אויסוואַקסן", האָט ער אים אָפּגעגעבן פאַר אַ באַהעלפער צו אַ דרדקי־מלמד. דאָ פלעגט ב. פאַרשווינדן אויף גאַנצע טעג אין די אַרומיקע וועלדער, מיטנעמענדיק דאָס עסן פון די קינדער. דער דרדקי־מלמד, וועלכער האָט מער ניט געוואָלט האָבן קיין עסקים מיטן „משוגענעם באַהעלפער", וואַרפט אים אַרויס פון חדר. בערלס פאָטער, וועלכער איז פאַר יענער צייט שוין געווען אַביסל אָנגעשטעקט מיט השכלה, וויל אים אפילו געבן צו אַ בעל־מלאכה, אָבער די מוטער וויל דערצו ניט דערלאָזן, און ס'בלייבט ניט קיין אַנדער אויסוועג אים צו מאַכן פאַר אַ „לייט", ווי — ער זאָל חתונה האָבן.

נאָך אַ קורצער צייט גט ער זיך אָבער מיטן ווייב, און פאָרט קיין יאַסי, וואוהין ס'פלעגן ציען כמעט אַלע גאַליציאַנער באַהעלפער און מלמדים כדי צו „מאַכן אַ גרייצער" — און קומען צוריק אַהיים. אויך ב. איז צוריקגעקומען, האָט חתונה מיט זיינער אַן אָרעמער קרובה און באַזעצט זיך אין פּאָדקאַמין.

דערנאָך נעמט ער אַרומפאָרן, און ווערט שנעל באַרימט מיט זיינע לידער, וואָס פלעגן אַרויסרופן אַ גרויסן אינטערעס, איבערהויפּט ביים פּשוטן עולם. פון צייט צו צייט פלעגט זיך ב. באַוויזן אין זיין היים, ביי זיין פאַמיליע, וועלכע ער האָט זייער ליב געהאַט. יעדעס מאָל נאָכן נעלם ווערן, פלעגט ער איבערלאָזן דאָס ווייב און קינדער אָן שום מיטלען צום לעבן, און זיין פרוי פלעגט זיין געצוואונגען צו פאָרן קיין בראָד צו אירן אַ רייכן ברודער, וועלכער האָט זי געשטיצט צוליב איר „שיכורסקן גאַרגל" (ווי

מען פלעגט רופן בערלען אין בראָד און אין די שכנישע שטעטלעך), און האָט אפילו דערצויגן זייער יונגסטן זון איציקל.

הערבסט 1864 איז ב. ווידער צוריקגעקומען אַהיים, מיד און צעבראָכן. דאָ איז ער געלעגן אַ גאַנצן ווינטער געפערלעך קראַנק. קוים אויפגעשטאַנען פון בעט, איז ער ווידער נעלם געוואָרן, און איז אין 1868, אין עלטער פון 53 יאָר, געשטאָרבן אין קאַרלסבאַד.

אין פּאָדקאַמין האָט מען געשמועסט, אַז „בערעלע" איז געשטאָרבן אין אַ שענק נאָך „אַ גוטן טרונק", אויף אַ לעבער־אַטאַקע. מען איז אויך דאָרט געווען מסופק אויב ער איז געקומען צו קבר־ישראל.

ב. גאָרין ריידנדיק וועגן די בראָדערזינגער אין זיין „געשיכטע פון אידישען טעאַטער" דערמאָנט בערלען לגמרי ניט, און גיט אָן יאַקאָווקען אַלס גרינדער פון די בראָדערזינגער. אויך אברהם גאָלדפאַדען דערמאַנט ניט בערלען, נאָר גיט בלויז אָן (אין זיין אויטאָביאָגראַפיע), אַז „ישראל גראַדנער שטאַמט פון דער שולע [פון די בראָדערזינגער] פון דעם דאַמאָלטדיקן ווירטואָז „קאָווקע" אָדער „יאַקאָווקע".

יעקב באָטאָשאַנסקי גיט איבער אין זיין בוך „נאָך דער פאָרשטעלונג" אין מאָנאָלאָג פון „זיידן" [פּערזאָניפיצירט דעם אַקטיאָר יונה רייזמאַן] פאָלגענדעס וועגן בערל בראָדער: „אַליין אַרומגעפאָרן מיט אים אין רומעניע. לידלעך האָט ער געמאַכט שיינע. שפּילן האָט ער זיי אויך געשפּילט גוט. אָנגעטאָן נאָר אַ יאַרמולקע, האָט ער שוין אויסגעזען ווי אַ חזן, נאָר, אַז ער האָט געדאַרפט אַ זינג טאָן:

„זינג איך אויף נאָטן

ווערן די חסידים אויפגעזאָטן",

איז קיינער אין דער היים ניט געווען, ניט געהאַט קיין קול. אפשר יונגערהייט האָט ער געהאַט אַ קול. ווען איך האָב אים געקענט, האָט ער שוין קיין קול ניט געהאַט.

— און דאָס איז אמת, אַז די קאַפּעליע האָט אים געסמט?

— ווער קאָן וויסן? פּלוצים געשטאָרבן, פּטור ווערן פון אים האָט מען געוואָלט.

— וואָס פאַרע פּיעסן האָט איר דאַמאָלט געשפּילט?

— נאָר זיינע לידער . . . ווען ער איז געשטאָרבן, האָבן מיר שוין געשפּילט „דעם קראָקעווער". גאָלדפאַדען האָט עס ביי אונז געזען, האָט ער דערפון געמאַכט „משיחס צייטן"."

ס'איז בכלל שווער פאַרצושטעלן וועלכע ביאָגראַפישע ווערזיע איז די ריכטיקע. ס'איז גאָר מעגלעך, אַז אין יעדער ווערזיע האַנדלט זיך וועגן באַזונדערע פּערזאָנען, ווייל ב.'ס נאָמען איז געווען דאַמאָלט אַזוי פּאָפּולער, אַז מיסטיפיקאַטאָרס פלעגן זיך מיט אים באַנוצן.

ראובן וויסמאַן גיט אָן, אַז ער האָט אַרום 1870 געהערט זינגען בערל בראָדערן אין אַן אָדעסער ווינקעלער.

אברהם פישזאָן שילדערט אין זיינע זכרונות ווי ער טרעפט אין אָדעס אין אַ ווינקעלער זינגען אַ יונגענמאַן, וועלכער רופט זיך בערל בראָדער, אָבער אין אַ שמועס איז ער זיך מודה, אַז דער אמת'ער בערל בראָדער איז געשטאָרבן מיט צען יאָר צוריק אין בראַד, און ווער ס'האָט נאָר גאָט אין האַרצן רופט זיך בערל בראָדער. דער יונגערמאַן האָט געזונגען אַ חסידיש לידל, וואָס האָט זייער אויסגענומען ביים עולם.

פון זיינע לידער האָט בערל [לויט זלמן רייזען] נאָר פאַרשריבן אַ קליינעם טייל, און אַ קליינע זאַמלונג פון זיי איז אַרויס אין פּרעסבורג (1860 ?) א"ט „שירי זמרה — דרייסיג הערליכע בראָדר לודער אין ריין יודש לשון, יעדעס ליעד בזינגט זייער איין אנדרו מענשין קלאַס, אינ זאָגט אַקאָראַט דעם קאַראַקטע פון יעדען, אַז עס אוז

א גרוס פאַר גנוגין צו לעזון, און אוך לערונט מען דער פון זייער פול חכמה״.

אלס אריינפיר צו דעם „אינהאַלט״ ווערט געזאָגט: „אין דיזעם שירי זמרה גפינון זוך אלי שייני לודער וואָס דוא בראָדער אין לעמבערג גיזינגין האָבון. אונ אוך דאָס פאַר פאַסר בעריל בראָדער ווס פאַר פאַסט״.

דר. געלבער אין זיין דייטשער מאָנאָגראַפיע וועגן בערלן ציטירט (זז. 100-75) זיינע לידער (לויט דער לעמבערגער אויסגאַבע) און כאַראַקטעריזירט זיי, אלס ביישפּיל דרוקט ער אויך אָפּ (מיט לאַטיינישער טראַנסקריפּציע) בערלס ליד „ליד פון א וואַכנעלטער״.

די לידער זיינען [לויט אונזער אָרטאָגראַפיע]: 1. ליד פון א פאַסטוך, 2. טאָג און נאַכט. 3. פון אַן אָרעמאַן. 4. ווי א טאַטע קומט צום קינד, 5. פון א גרעבער, 6. פון א פּעקלמאַכער, 7. פון א שמש, 8. קאַמעט-שטערן, 9. פון א שינדלשלעגער, 10. פון שרפה אין בראָדי, 11. פון א בלינדן, 12. פון אַן אָפּגעקומענעם עושר, 13. פון דער גזרה חתונות, 14. פון א בעל-העגלה, 15. פון א חזן, 16. פון צוויי שטערן, 17. פון בערל בראָדער, 18. ווי א חכם שמועסט צו דער וועלט, 19. פון א מלמד, 20. שדכן, 21. ווי א רויבער האָט געשטאָכן הויזנער, 22. א בעל-דרשן, 23. שוסטער מיט א שניידער, 24. וואַכנגעלטער, 25. פון א גאָלדענעם מאָרגען, 26. פון א וואַנדערער, 27. א בעהעלפער, 28. פון א געשטאָרבענעם, 29. פון א וועכטער, 30. וואַסער-טרעגער. [די טיטולן פון אלע לידער הייבן זיך אָן „ליד פון...״].

א צווייטע אויסגאַבע פון בלויז 26 לידער (אָן די לידער 19, 20, 23 און 26) איז דערשינען אין לעמבערג 1876, דערנאָך פיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן. ס׳זיינען אויך פאַראַן אויסגאַבן פון זיינע איינצלנע לידער.

דר. יצחק שיפּער איז אין דער מיינונג, אַז אויב די פּרעסבורגער אויסגאַבע פון יאָר 1860 שטעלט מיט זיך ניט פאָר קיין ביבליאָגראַפישן טעות, איז דורכדעם פאַראַן א דאָקומענטאַרישער באַווייז, אַז שוין אַרום 1860 איז געווען קריסטאַליזירט דער קאָלעקטיווער נאָמען „בראָדערזינגער״ ווי א באַצייכנונג פון די בראָדערזינגער, וועלכע פלעגן זינגען אין די ווייַנקעלערס, ווארום אין טיטל פון דער דאָזיקער אויסגאַבע ווערן די לידער כאַראַקטעריזירט אלס „בראָדער לידער״. אין דער לעמבערגער אויסגאַבע פון 1876 ווערן די לידער באַצייכנט אלס „נייע בראָדער לידער״, און דאָס לאָזט משער זיין, אַז ס׳איז געווען פריער אַן עלטערע זאַמלונג „בראָדער לידער״. אין זיין אריינפיר באַנוצט אויך בערל דעם געקירצטן קאָלעקטיוון אויסדרוק „בראָדער״ אנשטאָט „בראָדערזינגער״.

לויט דר. יצחק שיפּער „איז בערל דער באַדייטנדיקסטער פאָרלויפער פון וועלוול זבאַרזשער. זיין מוזע באַוועגט זיך כמעט דורכאויס אינם קרייז פון סאָציאַלע מאָטיוון. ער באַזינגט דעם טרויעריקן גורל פון אָרימעלייט און באַעולהטע, ווי א שטייגער דעם גורל פון א פאַסטוך, א גרעבער, א „פּעקל מאַכער״ (שמוגלער), א שמש, א שינדעלשלעגער, א מלמד, א שדכן, א וואַנדרערער, א וועכטער, א וואַסער-טרעגער, א בעל-דרשן, א באַהעלפער און אז. וו. די לידער פונ׳ם דאָזיקן מין זיינען אָן אויסנאַם צוגעטראַכט אין דער פאָרם פון געגראַמטע מאָנאָלאָגן. א ראיה די סטערעאָטיפּישע איךפאָרמולקעס, מיט וועלכע זיי הויבן זיך אָן: „איך נעבעך, בידנע פאַסטוך״, „איך נעבעך פּעקלמאַכער״, „איך נעבעך געמיינער חזן״, „איך נעבעך בעל דרשן״, „איך נעבעך בעלפער״, א. אז. וו. שוין דער דאָזיגער נוסח אליין לאָזט משער זיין, אַז זיי זיינען ניט געווען באַשטימט צום לייענען, נאָר צום „זינגען און זאָגען״. געגוי

אזוי, ווי עס ווערט אָנגעמערקט אין דעם טיטל פון דער פּרעסבורגער אָדער לעמבערגער אויסגאַבע, גיט אונז בערל מער אָדער ווייניקער געלונגענע פאָטאָגראַפיעס פון קליינשטעטלדיקע טיפּן, אָן א שום סאַטירישן אָדער הומאָריסטישן אונטערשלאַג, ווי עס פלעגן דאָס טאָן זיינע נאָכפאָלגער. ער פלייסט זיך, צוזאָגן אָקאָרשט דעם כאַראַקטער פון יעדן, דער צוהערער אָדער לעזער זאָל דערפון קענען „לערנען זייער פול חכמה״. ער באַנעמט זיינע „העלדן״ מיט א טיפן מיטלייד. די בעסטע מאָנאָלאָגן זיינע זיינען דאָס „ליד פון איין גרעבער״ און דאָס „ליד פון וועכטער״. אין דעם מאָנאָלאָג „פון איין גרעבער״ איז פאַראַן א לייכטע איראָניע און א פרייליכער לעבנס-אָפּטימיזם.

בכלל שטעלן מיט זיך פאָר די דערמאָנטע מאָנאָלאָגן מער א קולטור-היסטאָרישן ווערט, ווי א דיכטערישן. די שפּראַך איז אין זיי א ריינע, אָבער אָן אָרימלעכע, אָן שוואונג, הגם נישט אָן בילדערלעכקייט.

א חוץ די מאָנאָלאָגן, האָט בערל נאָך פאַרפאַסט א ריי לידער אויף געשעעענישן, וואָס האָבן דאַמאָלט אויפגערודערט דעם עולם, ווי למשל: „דער קאָמעט-שטערן״, א סאַטירע אויף „די ליגנערס די שטערנזעער״, וואָס האָבן פאָראויסגעזאָגט, אַז די וועלט גייט אונטער (אַרום 1850), דאָס „ליד פון די גזרה חתונות״, אויס דער צייט פון די בהלות אין רוסלאַנד (1846-1842), דאָס „ליד ווי א רויבער האָט געשטאָכען הוזנר פון בראָד״ (קאַרל הויזנער, א דעפּוטאַט פון עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, דערשטאָכן אין יאָר 1858). דאָס „אויטאָביאָגראַפישע ליד פון בערל בראָדער״, דער אַלעגאָרישער דיאַלאָג „פון דעם טאָג מיט דער נאַכט״. און אייניקע לידער, אין וועלכע ער בעהאַנדלט פאַרשיידענע מאָטיוון פון נאַטור (דאָס „ליד פון גאָלדענעם מאָרגען״), פון פאַמיליען-לעבן (דאָס „ליד ווי א טאַטע קומט צום קינד״ אָדער דאָס „ליד פון די צוויי שטערן״) און פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער (דאָס „ליד פונ׳ם בלינדען״).

די נאַטור-לידער זיינען בלאַסע און אָן שום ווערט. א סך בעסער זיינען די פאַמיליען-לידער. אין דעם „ליד ווי א טאַטע קומט צום קינד״, ווייזט אונז בערל א יידישן „קעניג ליר״-טיפּוס און ער ענדיקט אויף אַן עכט פאָלקסטימלעכן שטייגער:

„איין שנור מיט דעם איידעם, זיינען א פּאָר שדים!״

דער רייץ און די באַליבטקייט פון בערלס שאַפונגען איז געווען פאַרוואָרצלט אין די ניגונים, אויף וועלכע ער פלעגט זיי זינגען און אין דער פּלאַסטישער אילוסטראַציע, וועלכע ער פלעגט געבן ביים זינגען.״

ש. ניגער דריקט זיך אויס, אַז „בערל בראָדער איז דער טיפּ פון א ו ו ע ל ט ל ע כ ן יידישן פאָלקסזינגער, וואָס איז אַרויס פון די ענגע כלי-קודש ראַמען, און גענומען שמועסן „פריי״. ער האָט גענומען פון פאָלק און גערעדט צום פאָלק. זיינע נגונים זיינען אויסשליסלעך יידיש, געשריבן און געזונגען מיטן מ ו י ל פון פאָלק, וואָס האָבן אויך אויף שפּעטער משפּיע געווען אויף זיין זון, דעם שרייבער „ים-הציוני״.״

זלמן רייזען פאַרענדיקט בערלס ביאָגראַפיע מיט די ווערטער:

„די שפּראַך פון זיינע לידער איז ריין, דער טאָן איז פאָלקסטימלעך-בדחניש, הגם דער גאַנצער שטייגער פון זיין פּאָעזיע איז זייער פּרימיטיוו און איינטאָניק, און נאָר זעלטן דערהויבט ער זיך צו אַן אמתער דיכטערישער אויסדרוקס-קראַפט״.

בערל האָט איבערגעלאָזט א זון, יצחק, א יידיש-העברעאיש-דייטשער שריפטשטעלער א״פּ „ים-הציוני״.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״ I, 401-395.

דר. יצחק שיפּער — „די בראָדערזינגער״, „מאָרגען״, לעמבערג, 2 אַפּריל, 1927.

א. ליטווין — די אידישע פאָלקס־שאַפונג אין בילדער, „צוקונפט“, דעצ. 1914

מ. ל. פעטשעניק — בערל בראָדער, „ליט. בל.“ 55, 1925.

מ. ל. פעטשעניק — אַ פאַרגעסענער יודיש־גאַליציש שרייבער „ים־הציוני“, „ליט“בל“, 75, 1925.

ש. ניגער — וועלוועל זבאַרזשער — אַ אימפּראָוויזאַטאָר און אַ פאָלקס־זינגער, „צוקונפט“, יאַנ. 1925.

Dr. N. M. Gelber—Aus Zwei Jarhunderten. Wien und Leipzig. 1924, p.p. 70—100.

אברהם פישזאָן — (זכרונות), „מא“זש“, 3 אַפּריל, 1925.

יעקב באָטאשאַנסקי — „נאָך דער פאָרשטעלונג“, ז. 86.

דר. יעקב שאַצקי — נייע אַרבעטן צו דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור, „פּנקס“, נ. י. 1927, 2-1, ז. 172.

גאָלדוואורם, דוד־מאיר

געב. אין טארנאפאל, גאַליציע. פאָטער — אַ שמש. געוועזן רעכנונגס-פעלדפעבל אין דער עסטרייכישער ארמיי. איז געוועזן איינער פון די פּאָפּולערסטע פאָלקסזינגער אין עסטרייך-אונגארן.

מ. ע. פון שלום פאדזאָמטשע און סעם לודוויק.

גאָלדוואורם, יעקב

געב. אין טאַרנאָפּאָל. זון פון דוד מאיר. ג. איז אין דער יוגנט ארומגעפאָרן אַלס פאָלקסזינגער מיט זיין פאָטער, פעטער און שוועסטער אַננאַ.

ג. האָט איצט אַ וועשעריי אין בערלין.

מ. ע. פון סעם לודוויק.

גאָלדוואורם, משה

געב. אין טאַרנאָפּאָל. ברודער פון דוד-מאיר. פלעגט אויסאַרבעטן זייף קעגן פלעקן, ארומגיין בייטאָג פארקויפן אַלטוואַרג, און ביינאַכט ארויסגעטראָטן אַלס פאָלקסזינגער. זיין טאָכטער זינגט נאָך היינט פאָלקסלידער אין בוקארעסט.

ג. איז געשטאָרבן אין ווין בערך 1913.

מ. ע. פון סעם לודוויק.

גלאַנץ, יואל

[ראַטץ]

געבוירן 31 דעצעמבער 1865 אין קאָמאַרנע, גאַליציע. פאָטער — אַ מצבה-שלעגער. געענדיקט אַ פאָלקסשול. געקומען קיין לעמבערג און דאָ געארבעט אַלס מצבה-שלעגער ביי דוד שטעפלער (פּארקע), וועלכער איז אויך געוועזן אַ בראָדערזינגער. צוליב זיין שיינער שטים מאַכט אים שטעפלער אויך פאַר אַ בראָדערזינגער, און אין 1882 הויבט ג. אָן ארומפאָרן מיט שטעפלער, חיים בענדל, שלום פאדזאמטשע און לעאָן מאַנדעלטאָרט. דער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון אַן איינאַקטער און פיל לידער. אין 1890 זיינען צו זיי צוגעקומען יונה רייזמאַן, ראָזאַ מאַנדעלטאַרט און הערמאַן וויינבערג, אין 1892 איז צוגעקומען דאָס שפּעטער באַקאַנטע דועטן-פּאָרל דעסער, און פון דאַמאָלט אָן איז די דאָזיקע

גרופּע בראָדערזינגער (גערופן אויך די „פּוילישע זינגער“) פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מער מאָדערנעם יידישן וואַריעטע-טעאַטער. ביז 1921 האָט ג. געשפּילט אין פאַרשיידענע טרופּעס און דערנאָך צוריק געוואָרן אַ מצבה-שלעגער, באַטייליקנדיק זיך בלויז דעם 7טן אויגוסט 1928 אין לעמבערג ביים „לעקסיקאָן-אָוונט“, אויף וועלכן ער האָט מיט אַ ריזיקן דערפאָלג פאָרגעשטעלט בראָדערלידער.

ש. ע. פון עמנואל דעסער.

מ. ע. פון יעקב מעסטעל.

דאַנציגער

זאָל זיין אַ בראָדער. אַ שיינער זינגער, אַ זאַאיקער. בעתן זינגען פלעגט מען דאָס ניט מערקן.

מ. ע. פון סעם לודוויק.

דובינסקי, יאַקאָווקע

[יעקבקע?]

ב. גארין שילדערט אים אזוי: „דער ערשטער פון די „בראָדערזינגער“ איז געוועזן יאַקאָווקע מיט אַ קאָמפּאַניע פון דריי אָדער פיר פּערזאָן. ער איז געוועזן אַ בעקעריונג, און ווען מען האָט אים אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט, האָט ער געדינט אין ווין. דאָרטן האָט ער געזען דייטשע קאַפע-שאַנטאַנען, און אים איז איינגעפאַלן, אַז דערפון קאָן מען מאַכן אַ פּרנסה ביי יידן. אַ שטים האָט ער געהאַט אַ גוטע. ער האָט אויך געקאַנט אַליין פאַרפאַסן לידלעך, און ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון דינסט, האָט ער צוזאַמענגעשטעלט אַ קליינע קאָמפּאַניע און זיי האָבן געזונגען אין לאָקאַלן.“

אברהם פישזאָן אין זיינע „זכרונות“ דערציילט, אַז ער האָט געטראָפן ד. זינגען אין אָדעס אין אַ וויינקעלער, וואו ער האָט געשפּילט אַ בלינדן אַלטן. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער הייסט קאָווקע באַדיעסקאַ [?], און, אַז ער איז אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט פון גאַליציע. אין פאָלק איז ער געוועזן אַ באַראַבאַנשטשיק, דערפאַר איז ער מוזיקאַליש. די לידער וועלכע ער זינגט, זיינען בערל בראָדערס.

שלום פאָדזאַמטשע, וועלכער האָט מיט אים געזונגען, גיט איבער, אַז ד. איז געבוירן אין סטאַניסלאַוו, גאַליציע, וואו זיין ברודער איז געוועזן אַן אַנגראָ-סוחר פון מעל.

סעם לודוויק, וועלכער האָט אויך געזונגען מיט ד., גיט איבער, אַז ער האָט געהייסן יאַקאָווקע [יעקבִיקע, יעקב?].

דובינסקי פלעגט בעת זיינע אַרויסטריטן זיך פאַרשמירן מיט סאַזשע און אָנטאָן אַ פעל פון אַ ציג, אין וועלכער ס'זיינען געווען אויסגעשניטן לעכער פאַרן מויל און די אויגן.

ב. בעקערמאַן, וועלכער האָט אין אָנהייב פון די 80-ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט געשפּילט מיט ד. אין וואַרשע, אויפן הויף פון וואָלף ליטוואַקס גאָרטן, שילדערט אים אזוי: „געוועזן אַ ייד פון אַ יאָר 75, אַ זקן מיט אַ גרויען קאָפּ, וואָס האָט ליב געהאַט צו שפּילן בלויז יונגע ראָלן. זיין בעסטע ראָל איז געווען אַ חדר-ייִנגל וואָס פלעגט שטיין פאַרן רבי אין איין ציטערניש און פאַרהיקן זיך ביי יעדן וואָרט ווען ער פלעגט אָפּענטפערן דעם רבי פאַרוואָס ער האָט ניטניט געקאָנט קומען אין חדר.

קאָפּקע פלעגט כמעט יעדע נאַכט שפּילן פאַרן תלמיד. ער האָט אזוי קונציק געשפּילט פאַר דעם ייִנגעלע פון 9-8 יאָר, אַז מען האָט אים באַוואונדערט מיט זיין נאָכגעמאַכטן קינדערשן טאַלאַנט“.

יצחק ליברעסקאָ גיט איבער, אַז ד. האָט געשטאַמט פון בראָדי

און, אַז נאָך פאַר גראַדנערן פלעגט ער זיך פאַרשטעלן פאַר אַ בעקער אָדער אַ שוסטער. ד. איז געשטאָרבן עלנט אין בראָדי אין אָנהייב פון די 80-ער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט.

לויט סעם לודוויק זיינען זיינע לעצטע ווערטער געווען: „דער מלאך המות איז דאָ, קוש מיך אין...“ — זיך אויסגעדרייט און געשטאָרבן. מען האָט אים מקבר געווען הינטערן פלויט.

מ. ע. פון שלום פּאָדזאַמטשע, סעם לודוויק און יצחק ליבערסקאָ און ש. ע. פון בעריש בעקערמאַן.

ב. גארין — „געש. איד. טעאַט.“ I, ז. 144.

דר. יצחק שיפּער — „בראָדערזינגער“ — „מאָרגען“, לעמבערג, 26 מערץ, 1927.

אברהם פישזאָן — (זכרונות), „מאָ“זש“, 3 אַפּריל, 1925.

דענצים, בנימין

אין „וואַרשויער יודישע צייטונג“, נום. 43, פון 23 נאָוועמבער (5 דעצעמבער) 1867, געפינט זיך פאָלגנדיקע אַנאָנס: „אין מיין באַוואַריע [טיי-הויז] אויף די נאַלעווקעס, און הערן נאַטאַנזאָנס הויז No. 2244a, געבן דיא בעריהמטע בראָדערזענגער פאָרשטעללונגען יעדען אבענד אום 7 אוהר. צו דיזער געזעללשאַפט געהערט אויך דער ערשטער וויענער קאָמיקער, קאפּקע דוביענסקי, אונד דער זעלטענער הומאָריסטיק [בוף-קאָמיקער] בנימין דענצים אוים זיטאָמיערזש, וועלכע זעהר אויסגעצייכענטע זאַכען פאָרשטעללען“.

ש. ע. פון ל. דושמאַן.

היטעלמאַן, לייזער

געזונגען צוזאַמען מיט וועלוול זבאַרזשער, דערנאָך ארומגעפאָרן מיט פאָלקס-זינגער, און געשפּילט מיט ראָזענבערג אין 1878 אין אָדעס.

ה. איז געשטאָרבן אין בוקאַרעסט. בעת דער טהרה איז אויסגעבראָכן אַ שרפה, און דער מת איז פאַרברענט געוואָרן.

מ. ע. פון סעם לודוויג.

וויינטרויב, משה

געב. אין בראָדי [לויט שלום פּאָדזאַמטשע — אין קאַמינקאַ סטרומילאַווא ביי בראָדי]. געווען אַ בדחן, און דערנאָך געוואָרן אַ בראָדערזינגער. געשטאָרבן אין בראָד בערך אין סוף פון די ניינציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט.

מ. ע. פון שלום פּאַדזאַמטשע.

דר. יצחק שיפּער — „די בראָדערזינגער“, „מאָרגען“, לעמבערג 9 אַפּריל, 1927.

ווילד, הערמאַן

געווען חזן אין סערעט, בוקאָווינע. דערנאָך געוואָרן אַ פאָלקסזינגער, פלעגט זינגען נאָר אייגן פאַרפאַסטע קאָמפּאָזיציעס, און זיך באַזונדערס פּאָפּולער געמאַכט מיט זיין ליד „די ציגיינערין“.

אַ שלאַנקער, אַ דאַרער, באַוואָקסן מיט אַ רויטער באָרד, און ווען ער פלעגט זי אָפּראַזירן, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ סקעלעט, באַזעסן אַ קלאַנגפולן שטאַרקן לירא-טענאָר.

ווען ער פלעגט אין פּראָווינץ אַריינפאַלן אין אַ מאַטעריעלער נויט, פלעגט ער זיך מאַכן קראַנק, צו וואָס זיין אויסזען האָט פיל מיטגעהאָלפן. פלעגט דאַמאָלט שיקן נאָכן ראש הקהל אָדער חברה קדישא, און געבעטן, אַז מ׳זאָל מיט אים זאָגן ודוי. אַרויסרופנדיק דורכדעם די אויפמערקזאַמקייט פון די כלי-קודש, פלעגט ער נאָכדעם זאָגן, אַז ער פילט זיך בעסער, נאָר ער מוז פאָרן קיין ווין זיך קורירן, און באַקומענדיק געלט, פלעגט ער עם פאַרהוליען.

פאַר זיין ניט נאָרמאַל לעבן באַקומען דעם נאָמען „הערשעלע שאַרלאַטאַן“, און געשטאָרבן אין די מיטעלע יאָרן אין בודאַפּעסט.

מ. ע. פון סעם לודוויק.

זבאַרזשער, וועלוועל

[זע זבאַרזשער וועלוול.]

חאנאט, יצחק

געב. אין טאַרנאָפּאָל, וואו ער איז די ערשטע צייט געווען אַ קצב, און דערנאָך געוואָרן אַ בראָדערזינגער, און אַרויסגעטראָטן צוזאַמען מיט אַפרים בראָדער און יאַקאָווקע דובינסקי. מען פלעגט אים רופן „ליפּעלע“.

מ. ע. פון יוליוס גוטמאַן.

יאַנקעלע מיט דער האַרמאָניע

[הירשענביין]

געבוירן אין באַקוי, רומעניע, אין אַ רייכער פאַמיליע. האָט איייניקע יאָר געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין פּאַפּערס האָלץ-פאַבריק. געקענט אַביסל שפּילן אויף אַ האַרמאָניק און אַלס מוזיק-ליבהאָבער צוגעשטאַנען צו די פאָלקסזינגער און מיט זיי, באַזונדערס מיט יעקב יונה צימבלער (דימאַנט), אַרומגעפאָרן איבער רומעניע.

אין 1906 געקומען אין אַמעריקע, און געשפּילט אין פּיטסבורג אין קרעטשמעס. אין 1910 איז י. געשטאָרבן אין פּיטסבורג.

מ. ע. פון יאָסעלע מאָשקאָוויטש.

יאָסעלע דער בלינדער

געווען אַ סגי-נהור. פלעגט על פּי רוב אַרויסטרעטן אין די ווינקעלערס פון זלאָטשאָוו און אַמאָל צופאָרן אויף „גאַסטראָלן“ קיין לעמבערג. געווען אַ וויצלער און פלעגט עקספּראָמט זאָגן זיינע „שטיקלעך“. אין די שפּעטערדיקע יאָרן פלעגט ער זינגען לידלעך פון גאָלדפאַדענס אָפּערעטן.

מ. ע. פון יעקב מעסטעל.

לוקאַטשער, חיים־שמואל

געב. בערך 1849 אין בראָדי. פֿאָטער — אַ שמש אין אַ קליינער שול. פֿלעגט אַרומפֿאָרן מיט נאָך 3-2 יונגעלייט איבער קרעטשמעס, זינגען לידלעך און זיך פֿאַרשטעלן. בעת יצחק ליבערעסקאַ און בערנער שטעלן צונויף אַ טרופּע פֿאַר בראָד, אין 1880, נעמען זיי אים אַריין צו זיך. אין אָנהייב פֿון די 80־ער יאָרן טרעפֿן מיר אים אַרומפֿאָרן אַלס אַקטיאָר אין וואָלפֿגעשאַפֿטס טרופּע (צוזאַמען מיט מייעראָוויטש און פֿרוי, ליזאַ איינהאָרן און סעם אַדלער).

סעם לודוויק גיט איבער, אַז ל. איז פֿון פֿאַך געווען אַ היטלמאַכער, אַ שיינער יונג, פֿלעגט זינגען בעת דער אַרבעט און נאָכן אויסלערנען זיך עטלעכע לידער צום זינגען פֿאַר אַן עולם, פֿאָרט ער אַרום מיט יאַקאָווקע דובינסקי איבער רוסיש־פּוילן און טרעט אַרויס אין וואַרשע אין וואָלף ליטוואַקס גאָרטן. צוריקגעקומען איז ער אַן עושר מיט אַ זילבערנעם פּאַס איבער די הויזן, אַ גאָלדענע קייט און 2 גאָלדענע זייגערס ווי אויך מיט אַ סך מזומן. דערביי איז ער געווען זייער קאַרג, און ווען די איבעריקע אַקטיאָרן פֿלעגן גיין עפּעס טרינקען, פֿלעגט ער זיך הייסן געבן ריין וואַסער, אַריינלייגן אין גלאָז אַ קליינע מטבע, און נאָכן אויסטרינקען זי געקושט און צוריק אַריינגעלייגט אין טאַש.

ווי משה שאָר גיט איבער, האָט ל. אויפֿגעהערט אַרויסצוטרעטן און איז געוואָרן אַ וואָכערניק. לויט סעם לודוויק האָט לוקאַטשער שפּעטער געהאַלטן אַ קעלער פֿון נאַפֿט.

ל. איז געשטאָרבן משוגע (מ׳זאָל אים האָבן צוגענומען זיין פֿאַרמעגן) אין בראָדער שפּיטאָל. אויף זיין קבר איז פֿאַראַן אַ מצבה.

מ. ע. פֿון סעם לודוויק, משה שאָר און ה. פֿיינשטיין.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II, ז. 142.
זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פֿאָרהאַנג“, ווילנע, 1928, זז. 113-110.

לינעצקי, העניך

זאָל שטאַמען פֿון קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק. געווען אַ פֿאָלקסזינגער, און בעת הורוויץ האָט אויפֿגעפֿירט זיין פּיעסע „טיסאַ עסלער“ האָט ל. זיך באַטייליקט אַלס ראַליסט.

מ. ע. פֿון סעם לודוויק.

מאָשקאָוויטש, יאָסעלע

געבוירן 3 יולי 1879 אין גאַלאַץ, רומעניע. פֿאָטער — משה צימבלער, וועלכער האָט געשפּילט אויפֿן טערקיש־רוסישן פֿראָנט, פֿון דאָרט געבראַכט אַביסל געלט און געוואָרן אַ פּראַצענטניק. מ. האָט ביים פֿאָטער געלערנט נאָטן און שפּילן צימבל און אין עלטער פֿון 11 יאָר געלערנט ביי אַ לערער שפּילן פֿידל. אין עלטער פֿון 14 יאָר אָנגעהויבן אַרומפֿאָרן מיט די יידישע „ברעטל־זינגער“ קאַנער, וועלכע האָבן, ביז צו יענער צייט, נאָך געזונגען אָן מוזיק־באַגלייטונג. מ. איז געווען דער ערשטער איינצופֿירן מוזיק צו דידאַזיקע „קאָנצערט־פֿאַרשטעלונגען“, וועלכע ער פֿלעגט אַקאָמפּאַנירן אויפֿן צימבל. מ. האָט אויך פֿאַרפֿאַסט מוזיק צו די לידער „דער רייזענדער“ און „אַז משיח וועט קומען“, וועלכע האָבן געהערט צום דאַמאָלטיקן פּאָפּולערן רעפּערטואַר, ווי אויך מעלאָדיעס צו אַנדערע פֿאָלקסלידער און דועטן פֿאַר קאַנער און פֿרוי.

דידאַזיקע פֿונקציע האָט מ. אָנגעהאַלטן שפּעטער אין לעמבערג ביי שלמה אַגער און קרעטשמע, דערנאָך ביז 1906 מיט אשר פֿייערשטיין און משה דער בלינדער איבער דער פּראָווינץ פֿון גאַליציע, רומעניע, אונגאַרן און אויך אַ קורצע צייט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

1907 איז מ. געקומען אין אַמעריקע, וואו ער פֿלעגט שפּילן אויפֿן צימבל אין האָטעל־אָרקעסטערס און זייט 1914 געעפֿנט אין ניו־יאָרק זיין באַרימטן רעסטאָראַן, וואו ער שפּילט ווייטער אויפֿן צימבל.

מ. איז אַ קוזין פֿון יעקב יונה צימבלער (דיאַמאַנט).

מ. ע.

משה דער בלינדער [זינגער]

[געב. 1856 — געשט. 26 פֿעב. 1916]

געזונגען ביים חזן פֿיינזינגער, געאַרבעט פֿאַרשיידענע מלאכות, און אַרומגעפֿאָרן מיט דערפֿאָלג איבער רומעניע. געשטאָרבן אין עלטער פֿון 60 יאָר דעם 26 פֿעב. 1916.

מ. ע. פֿון איציקל גאָלדענבערג.

משה מרדכי

צוליב זיין מגושמדיגקייט פֿלעגט מען אים רופֿן „משה גוי“. אַ פֿאָלקסזינגער, על פּי רוב געפֿאָרן „אַליין“, און זיך מער אויסגעצייכנט מיט זיין טאַלאַנט צו שנאָרן ווי צו זינגען.

מ. ע. פֿון יאָסעלע מאָשקאָוויטש.

פֿייערשטיין, אשר

[זעליג גאַבעל?]

געב. אין גאַליציע, און דערנאָך אויסגעוואַנדערט קיין רומעניע. געווען אין ראָמאַן אַ משורר ביי אַ חזן, דערנאָך געוואָרן אַ בראַטער פֿון רומענישע מאכלים. חתונה געהאַט און באַלד פֿאַרלאָזט די פֿרוי, דאַן געוואָרן אַ פֿאָלקסזינגער, איז אַ לענגערע צייט אַרומגעפֿאָרן מיט משה דעם בלינדן און יעקב יונה צימבלער. דערנאָך אוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ער איז געוואָרן אַ הויזבאַזיצער, און געעפֿנט אַ שענק אין גאַלאַטאַ א״פּ „צום עסטרייכישן אָדלער“, אָנגעבנדיק דערביי זיין ריכטיקן נאָמען זעליג גאַבעל. פֿ. זאָל איצט זיין אַ קאַנטאָר אין סאַלאָניקי.

מ. ע. פֿון סעם לודוויק.

פֿיליפּעסקאָ און זיין פֿרוי דושאַנעט

פֿלעגן אַרומגיין איבער די קרעטשמעס זינגען און טאַנצן.

ש. ע. פֿון סענע שאַפּיראָ.

יעקב יונה צימבלער

[דימאַנט]

געב. 1861 אין פאַלטיטשען, רומעניע, געשפּילט אויף אַ צימבל, פאַרפאַסט אויך פיל לידער, וועלכע ער פלעגט אַליין זינגען, איז אַרומגעפאָרן איבער רומעניע, און אין די טיי-הייזער, אין וועלכע ער פלעגט אויפטרעטן, האָט מען צוליב אים געמאַכט דעם פּרייז פון 5 באַנעם פאַרן אַריינגאַנג.

מ. ע. פון יאָסעלע מאָשקאָוויטש און ש. ע. פון סעני שאַפּיראָ.

קאָפּ, משה

באַווייזט זיך אין די ווײַנקעלערס אין סוף פון די זעבציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. האָט דעם גרעסטן דערפאָלג פון אַלע זינגערס. ער פלעגט זיך אַליין אַקאָמפּאַנירן אויף אַ האַרמאָניק. פון זיין קאָמפּאַניע שטאַמט משה טייך, איינער פון די ערשטע יידישע אַקטיאָרן.

מ. ע. פון יאָסעלע מאָשקאָוויטש.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ I. ז. 144.

קאָפּקע, אברהם

אַ פאָלקסזינגער, איז אין 1877 אַרומגעפאָרן מיט סענע שאַפּיראָ איבער רומעניע און בעסאַראַביע און געלעבט פון זינגען „זמירות“.

ש. ע. פון סענע שאַפּיראָ.

שאַפּיר, בירך (בענעדיקט)

געב. אין פּשעמישל אין מיטן פון 19טן יאָרהונדערט. באַגאַבט מיט אַ דיכטערישן טאַלאַנט און באַהערשנדיק אייניקע שפּראַכן, האָט ש. געשאַפן לידער אין 4 שפּראַכן: יידיש, העברעאיש, דייטש און פּויליש. אין עלטער פון 15 יאָר אַנגעהויבן אַרומצופאָרן איבער גאַליציישע שטעט און שטעטלעך, אויפהאַלטנדיק זיך חדשים לאַנג אין בראָד, קאָלאָמעאַ, לעמבערג און אַנד. שטעט, וואו ער פלעגט פאַרזינגען זיינע לידער אין די ווײַנקעלערס אָדער אין פּריוואַטע וואוינונגען בעת חתונות. די צאָל פון זיינע לידער איז זייער גרויס און נאָר אַ קליינער טייל פון זיי איז פאַרעפנטלעכט.

ש. איז געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע טיפּן אין גאַליציע. פון איין זייט איז ער דאָרט געווען אַ שרעק צוליב זיין הולטייאישקייט, פון דער אַנדערער זייט אָבער — דער ליבלינג, ווייל ער איז געווען דער „קאָמיקער“ פון דער געזעלשאַפט, וועלכער האָט געמאַכט יעדן לאַכן.

ש. פלעגט אויך אָפט פאַרטראַגן זיינע שאַפונגען, געמישט מיט הויכע דייטשע מליצות, אין דער קאַסינאָ פון פּשעמישלער אָפיצירן.

ווי דר. יצחק שיפּער גיט איבער געהערן צו ש.ים מער באַקאַנטע לידער-זאַמלונגען: „פריידעלע די מאַמע“ (לעמבערג 1882), „שיר בת יהודה“ (1883), „מעלאָדיען אויס דער געגענד אַם סאַן“ (קראָקע 1886) אין 1893 האָט דער לייפּציקער טעאָלאָג דר. זאַלמאַן אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג יידישע לידער

“Judische Melodien Aus Galizien u. Russland”

אין וועלכער עס געפינען זיך אויך אייניקע לידער פון ש.

שאַפּירס לידער שטעלן מיט זיך פאָר [לויט דר. י. שיפּער] אַ געוויסן ליטעראַרישן ווערט. זיי פאַרמאָגן אַ לעבעדיקע ריטמיק און זיינען געשריבן אין אַ מער-ווייניקער אויסגעהאַלטענער פערזנמאָס פון יאַמבן, טראַכייען און אַנפּיבראַכן. זייער גרעסטער חסרון איז די אמת בדחנישע צעצויגנקייט און די שטאַרק פאַרדייטשטע שפּראַך. מאַנכע לידער שאַפּירס זיינען פונדעסטוועגן געוואָרן זייער פּאָפּולער, ווי אַ שטייגער דאָס נאַציאָנאַלע געדיכט „דרויסן בלאָזט אַ ווינט אַ קאַלטער“, וואָס ווערט נאָך היינט געזונגען אין גאַליציע ווי אַ פאָלקס-ליד. פאַר אונז שטעלט פאָר דעם גרעסטן אינטערעס — דער צווייטער טייל פון שאַפּירס „מעלאָדיען“: „אויס דער געגענד אַם סאַן“, וואָס ברענגט אַ ריי קאָמישע לידער, קופּלעטן, סאַטירן א. א. וו., לויט דעם שטייגער פון די „בראָד. לידער“.

אברהם כהנא (אב״רך) כאַראַקטעריזירט ש. און זיין שאַפן אַזוי: „ליידער איז שאַפּיר געווען אַ פאַרנאַכלעסיקטער טאַלאַנט, וועלכער האָט פּראָדוצירט ווי אַ טאַנדעטניק נאָר פאַר דער מינוט כדי צו פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן“. איין באַנד פון זייַנע לידער רופט ש. אָן „לחם הקלוקל“ ד. ה. אַ פּשוטע זאַך, אַן אַנדייטונג אויף דער איינפאַכקייט פון יידיש, און אין דער הקדמה שרייבט ער אַ ליד אויף העברעאיש, דיסקוטירנדיק די פראַגע פאַרוואָס ער שרייבט אויף יידיש, און פאַרענטפערט עס נאָר דערמיט, וואָס אויף דער שפּראַךריידן 600,000 גאַליציישע יידן.

די אידעע פון זיינע לידער [לויט אברהם כהנא] איז געווען „לאַכן, טאַנצן און קנאַקן, און צום סוף רעפאָרמירן. רעפאָרמירן האָט געהייסן אָפּשפּאָטן פון רביים, בטלנים-קלויזניקעס, קעגנער פון צייטונגען, טעאַטער א. ד. ג. נאָר פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע עצות טובות פון מויל פון בירך שאַפּיר האָבן געקאָנט האָבן אַ שוואַכע פּעולה, ער איז געווען צופיל „לץ“. דאָס צווייטע חבורל זיינס, דער „לחם הקלוקל“ האָט שוין אין זיך אַ סך ווייניקער פּאָעזיע, כאָטש דאָ און דאָרט מאַכט ער אַן איינדרוק מיט די פאַרשיידענע געפּעפערטע וויצן איבער בטלנים, רביים, חסידים, שכרות, רעפאָרם-באַוועגונג, און אַנדערע מאָטיוון, וועלכע האָבן טיילווייז אַ קולטורהיסטאָרישן, אָבער ניט אַ דיכטערישן ווערט. אַזוי איז עס אויך מיט די געלעגנהייטס-געדיכטן צוליב דעם „רינגטעאַטער-בראַנד“, טיסאַ עסלאַר-פּראָצעס, טויט פון מאָנטעפיאָרע וכדומה. אַלע זאַכן זיינען פאַרזען מיט מעלאָדיעס, איבערגעניצעוועט פון אַנדערע זאַכן“.

צוליב אַ קרימינעלן פאַרברעכן איז ש. געזעסן אייניקע יאָר אין דער תפיסה פון פּשעמישל, דערנאָך האָט ער נאָך אַ געוויסע צייט געלעבט אין קראָקע, וואו ער איז געווען אַ לערער פון פראַנצויזיש, דייטש און העברעאיש און איז געשטאָרבן פאַר דער וועלטמלחמה, איבערלאָזנדיק אַ סך לידער אין כתב-יד.

[לויט יעקב מעסטעל, וועלכער האָט ב. פּערזענליך געקענט און געווען אין אַ געוויסן פעריאָד עדות פון זיין טעטיקייט, געהערט ש. אייגנטלעך אין דער ריי פון די „בדחנים-אַקטיאָרן“].

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, 1914, זז. 10-608.

דר. יצחק שיפּער — „די בראָדערזינגער“, „מאָרגען“, לעמבערג, 9 אַפּר., 1927.

אברהם כהנא (אב״רך) — דער יודישער טרובאַדור פון פּשעמישל — בירך שאַפּיר, „מאָרגען“, נומ. 704, 1929.

שטעפּלער (פּאַרקע), דוד

זאָל זיין אַ לעמבערגער, אַ מצבה-שלעגער. איינער פון די עלטסטע בראָדערזינגער. איז געשטאָרבן אין ווין בערך 20-1919.

מ. ע. פון יואל גלאַנץ און שלום פּאַדזאַמטשע.

שטרודלער, חנא

געבוירן אין קאָלאָמעאָ, גאַליציע, ביי בעל-הביתישע עלטערן. קיינמאָל גאָרנישט געלערנט. געווען באַרימט אין גאַליציע אַלס פֿאָלקסזינגער, באַזונדערס אין אליקום צונזערס לידער, וועלכע ער פֿלעגט זינגען און פֿאָרשפּילן אין גרים און קאָסטיום.

מ. מיאַדאָווניק געדענקט אים זינגען אויף דער חתונה פֿון גביר שלמה שיין אין בענדין (בערך 1887), וואו ש. באַטייליקט זיך אויך אין אַן אויפֿירונג פֿון גאָלדפֿאַדענס „אחשורוש". לויט מיאַדאָווניקס שילדערונג איז ש. דאַמאָלט אַלט געווען איינציקע און פֿערציק יאָר. געווען אַ הויכער מיט אַ לאַנגן האַלז, אַ טויבער און געהאַט אַ צעריסענע באַריטאָן-שטים.

ב. צעגראָווסקי שילדערט אים: „אַ זייער קאָמישע פֿיגור, פֿלעגט אַרומפֿאָרן מיט חברה-שפּילער איבער גאַליציע. ווען שטרודלער פֿלעגט קומען שפּילן, האָט ער דאָס גאַנצע שטעטל אויפֿגערודערט. חסידים האָבן מרעיש עולם געווען וואָס מ'גייט מאַכן חוזק פֿון יידן. קומענדיק קיין סטאַניסלאַוו האָט ער [שטרודלער] אַנטדעקט שילינגן און אים צוגעצויגן צו זיין טרופּע".

לויט יעקב מעסטל, וועלכער האָט אָפֿט באַזוכט ש.'ס „גאַלאַ-פֿאָרשטעלונגען" אין די ווינקעלערס אין זלאָטשאָוו און לעמבערג, איז ש. נישט געווען קיין טויבער — אפֿשר נאָר שווער העריק. מיאַדאָווניקס טעות נעמט זיך אפֿשר פֿון דעם, וואָס ש. פֿלעגט אָפֿט פֿ אָ ר ש ט ע ל ן אַ טויבן אין זיין זייער פּאָפּולערן זינג-און שפּילמאָנאָלאָג „דער רייזענדער". זייער פּאָפּולער איז אויך געווען ש.'ס „דער דייטש" און דער דועט „דער שניידער און דער שוסטער". ש. האָט (ווי דאָס רוב דאַמאָלדיקע פֿאָלקסזינגער) געליטן פֿון אַ קעלקאָפּ-קאַטאַר און דערפֿון נעמט זיך מסתמא מיאַדאָווניקס כאַראַקטעריסטיק וועגן ש.'ס „צעריסענע באַריטאָן-שטים".

מיט איינציקע יאָר צוריק איז ש. אַריינגעגעבן געוואָרן אין לעמבערגער מושב-זקנים פֿון וואַנען ער איז אָבער אין 1927 אַנטלאָפֿן און שלעפּט זיך אַרום אַלס בעטלער מיט אַ האָלצערנעם פֿוס איבער גאַליציע.

מ. ע. פֿון יוליוס גוטמאַן און ש. ע. פֿון יעקב מעסטל.

ב. צעגראָווסקי — דער עלטסטער אידישער קאָמיקער אין גאַליציען געשטאָרבען, „היינט", 2 מאַי 1926.

מ. מיאַדאָווניק — מיינע טעאַטער זיכרוינעס, זשורנאַל „דער שטערן", מינסק, 1, 1926.

שמאַילע דער הייזעריקער

געב. אין לעמבערג. אין די יונגע יאָרן געווען אַ העלפֿער ביי וועלוועלע זבאַרזשער. דער לעצטער פֿון די עכטע בראָדערזינגער. אויף דער עלטער האָט ער שוין מער ניט געקענט זינגען, און פֿלעגט „זאָגן" זייער הייזעריק. געשטאָרבן אין בוקאַרעסט, וואו יידישע אַקטיאָרן האָבן אים געשטעלט אַ מצבה.

מ. ע. פֿון סענע שאַפּיראָ און סעם לודוויק.

שמוליאַק

אַ פֿאָלקסזינגער. האָט אין אָנהייב פֿון די 80-ער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט געזונגען אין וואַרשע אין וואָלף ליטוואַקס גאָרטן (פֿראַנטשישקאַנער 36) צוזאַמען מיט אהרן טאַגער, קאַפֿקע-דובינסקי, מ. חיימאָוויטש און מאַקס בלומענפֿעלד ווי אויך מיט די כאָריסטן (די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן) בערל בערנשטיין, מאַקס גאָלדבערג, אברהם-יצחק טאַנצמאַן און בעריש בעקערמאַן.

בעקערמאַן שילדערט אים אַזוי: „אַ ברונעטער, אַ לעבעדיקער יונגערמאַן, וואָס פֿלעגט געפֿאַנגען נעמען די מיידלעך בלויז מיט זיינע שמייכלענדיקע בליקן".

ש. ע. פֿון בעריש בעקערמאַן.

שפּאַצער, לעאָן

[געב. . . . . — געשט. בערך 1917]

געבוירן אין ברזשעזשאַן, גאַליציע. פֿאָטער — אַ שמש. מוטער — פֿאַרקויפֿט קוקורוזע אין גאַס. פֿון פֿאַך איז ש. געווען אַ שוסטער. באַזיצנדיק אַ שטים איז ער צוגעשטאַנען צו די פֿאָלקסזינגער און אַרומגעפֿאָרן מיט זיי איבער גאַליציע און רומעניע.

ש. האָט אַליין פֿאַרפֿאַסט לידער און איינציקע סצענקעס. באַזונדערס פּאָפּולער זיינען געווען זיינע לידער „דאָקטאָר טאוסיק" און „חורבן קעשעניעוו".

ש. האָט געהאַט אַ בעלמע אויפֿן אויג. בעת דער וועלט-מלחמה איז ש. אינטערנירט געוואָרן אין רומעניע און איז בערך 1917 געשטאָרבן אין בוקאַרעסט.

מ. ע. פֿון סעם לודוויק.

בראַון, מאָריס

[מנחם-מענדל בראָנשטיין]

געב. 14 יאַנואַר 1900 אין בעלץ, בעסאַראַביע. פֿאָטער — אַ פּאָדריאַדטשיק ביי אויסמאָלן הייזער. ביז 8 יאָר געלעבט ביי זיין זיידן, אַן אייגנטימער פֿון אַ פּריוואַטער מאָדערנער יידישער שול, דערנאָך געענדיקט די שטאָטישע שול און פֿאָרטגעזעצט יידישע און העברעאישע למודים ביים זיידן.

באַזוכנדיק אַלס קינד מיט די עלטערן דאָס יידישע טעאַטער, פּרובט ב. צוזאַמען מיט זיין חבר, דעם שפּעטערדיקן אַקטיאָר לעאָן גאָלד, „זיך שפּילן אין טעאַטער", און ווען זיי ווערן עלטער, גרינדן זיי אַ ליבהאָבער-קרייז און אַנטלויפֿן קיין אָדעס. דאָ באַקומט ב. אין 1916 די מעגלעכקייט אויפֿצוטרעטן אַלס „קצב" אין „דבורהלע מיוחסת" ביי קאָריקן. פֿון דאָרט גייט ער איבער אין אַנדערע טרופּעס און שפּילט ביז 1918 מיט מערסאָן, עפּשטיין, ליבערט א. א. 1918 שפּילט ב. אין רומעניע מיט איציקל גאָלדענבערג, קאַנער, אשכנזי, זיגלער, קלאַראַ יאָנג, סעגאַלעסקאָ. אין 1920 שפּילט ב. אין יאָנגס טרופּע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דערנאָך אַ קורצע צייט אין פּאַריז, אין 1921 אין בעלגיע, אין 1922 אין לאָנדאָן, ביי יאָזעף קעסלער, וואו ער האָט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט געביל, דזשעני גאָלדשטיין, דאָראַ וויסמאַן און טאָמאַשעווסקי, דערנאָך פֿאָרט ער מיט יאָזעף קעסלער קיין דרום-אַפֿריקע, און אין 1925 קומט ער אין בוענאָס-איירעס, וואו ער שפּילט 2 יאָר. דאָרט אָרגאַניזירט ער אַ טרופּע מיט וועלכער ער פֿאָרט דורך אַלע יידישע ישובים פֿון אַרגענטינע, שפּילט דערנאָך מיט זיין אייגענער טרופּע צום ערשטן מאָל יידיש טעאַטער (6 חדשים) אין טשילי, אַ חודש

אין פּערו, 7 חדשים אין קובא און 8 חדשים אין מעקסיקא. אין אָנהויב 1929 שפּילט ב. מיט זיין טרופּע אין טעקסאַס, פּאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

ש. ע.

בראַון, קיטי

[גיטל באַקאַן]

געב. 6 נאָוועמבער 1887 אין אוליאַנאָוו, גאַליציע, באַקומען אַ שטרענג רעליגיעזע דערציאונג און באַזוכט 5 קלאַסן עלעמענטאַר־שול. אין עלטער פון 12 יאָר געקומען מיט די עלטערן קיין לאָנדאָן, און דאָ געוואָרן אַן אַרבעטאָרין. אויס ליבע צום טעאַטער שליסט זיך ב. אָן אין אַ דראַמאַטישן קרייז, וועלכער פירט אויף די פּיעסן „אוריאל אַקאָסטאַ", „זשידאָווקאַ", „גאָט מענטש און טייוול" א. א., אין וועלכע ב. באַטייליקט זיך, אָבער צוליב דער התנגדות פון אירע פרומע עלטערן, ציט זי זיך צוריק פון דער בינע, און נעמט שרייבן סקיצן, וועלכע ווערן געדרוקט אין „די צייט", „אָבענד־נייעס", „פאַמיליען פריינד" און „די פּאָסט". שפּעטער שרייבט זי פּיעסן.

ב.'ס פּיעסע „צעריסענע נשמות" איז אויפגעפירט געוואָרן דורך מ. ד. וואַקסמאַן אין יולי 1920 אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן־טעאַטער. ב.'ס איבערזעצונג פון דער ענגלישער פּיעסע „פּאָר אַ שוועסטערס זינד" איז אויפגעפירט געוואָרן אין נאָוועמבער 1927 אין פּאַוויליאָן־טעאַטער (דיר. נ. בלומענטאַל). נאָך ניט אויפגעפירט זיינען אירע פּיעסן: „אַמעריקאַנער גליקן" און „די פּאָלגן פון לייכטזין".

ב. שרייבט אויך און דרוקט אין סעפּאַראַטע אויסגאַבן לידער, וועלכע ווערן געזונגען אָדער דעקלאַמירט דורך פּראָפעסיאָנעלע יידישע אַקטיאָרן.

ש. ע.

בראַון, ראָזא

[רחל איזאַקסאָן]

געב. 15 דעצ. 1902 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַ סוחר פון אַלט־אייזן. געענדיקט אַ פאָלקסשול און יידיש געלערנט ביי אַ לערער. נאָך אַלס קינד געשפּילט אין אַ דראַמאַטישן פאַריין, וואו איר עלטערער ברודער איז אַ מיטגליד. דערנאָך אַרומגעפאָרן מיט „ליבהאָבער" איבער קליינע שטעטלעך ביז זי אַנטלויפט פון דער היים קיין ווין, וואו זי ווערט אַריינגענומען אַלס כאָריסטקע אין יידישן טעאַטער. שפּעטער ווערט ב. אַנגענומען אַלס כאָריסטקע צו רחל אַקסעלראָד אין טשערנאָוויץ, פון דאָרט נעמט זי שרה קאַנער קיין רומעניע, וואו זי שפּילט ביז 1918, דערנאָך ווערט זי אַנגאַזשירט אין סעגאַלעסקאָס טרופּע, און נאָכדעם ווי זי האָט אין 1919 חתונה מיט מאָריס בראַון, מאַכט זי מיט דעם זעלבן עטאַפּ וואָס איר מאַן.

ש. ע.

בראַלמאַן, אַברהם הערש [?]

[געב.... — געשט....]

י. וויינשטאָק גיט אָן, אַז ב. האָט געהייסן הערש, און איז געבוירן אין ירושלים. זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען בראַכלין. זיין פאָטער איז אויך געווען אַ ירושלימער ייד, וועלכער פלעגט פון פרייטאָג 12 בייטאָג ביז שבת נאָך הבדלה ניט ריידן קיין דברי־חול, נאָר לשון־קודש. ב. איז געווען אַ שניצער פון ארון־קודשס, אַ פּעאיקער שפּילער מיט אַ שיינער שטים, און נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזט דאָס „טעאַטער", איז ער צוריק געוואָרן אַ ישובניק און זיך געזעצט לערנען.

מ. נאַכאַמקעס גיט אָן, אַז ב. האָט געהייסן אברהם און שטאַמט פון אָדעס.

ווי יעקב קאַצמאַן גיט איבער, איז ב. געווען אַ לידערזינגער און פלעגט אַרומפאָרן איבער קליינע מקומות, און אַליין אָפּשפּילן די גאַנצע פּיעסע „באָבע יאַכנע". אין אַ טרופּע האָט ער קיינמאָל ניט געשפּילט.

יעקב פּ. אַדלער גיט אָן, אַז ב. האָט געשפּילט ביי נפתלי גאָלדפאַדען, דערנאָך איז ער געוואָרן אַ שמש אין אַ שול.

מ. ע. פון יוסף וויינשטאָק, מ. נאַכאַמקעס און יעקב קאַצמאַן.

יעקב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „די וואָרהייט", 21 יולי 1917.

בראַמבערג, חיים

אַ שילער פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, און שפּעטער ראַבינער אין קרעמענטשוג. האָט זיך באַטייליקט אין אַ יידישער טעאַטער־פאָרשטעלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין זומער אָדער דעם 9טן אָקט. 1854 אין בערדיטשעוו. געשפּילט איז געוואָרן די פּיעסע [לויט שטיף] „קהל אין אַ שטעטל" אָדער [לויט דר. ש. וויסבערג] „די אַלמנה", אויפגעפירט דורך די שילער פון דער ראַבינער־שול וואָלף קאַמראַש, בנימין ראַבינאָוויטש, דוד באָהוסלאַווסקי, משה שעפּטעלזאָן, קהות (!) פּראַסיאַן, יעקב טאַפּט, משה נירנבערג, חיים בראַמבערג און בער האָרנשטיין. ב. האָט געשפּילט די ראָל פון דער „אַלמנה".

דר. יעקב שאַצקי — צושטייער צו דער געשיכטע פון דעם פאָרגאָלדפאַדענישן טעאַטער, „יידיש טעאַטער", וואַרשע, 3-4, 1927, זז. 277-288.

בראַנדעס, שאול

[געב... בערך 1866 — געשט... מערץ 1929]

געב. בערך 1866 אין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע, ביי אָרעמע עלטערן — קליינהענדלער. געהאַט אַ שיינעם אַלט, און געזונגען ביי די חשובסטע חזנים פון גאַליציע, ווי אויך ביי ניסן בעלזער, געווען אַ כאָריסט ביי גימפּעלען, וואו ער איז אויך שפּעטער אַרויסגעטראָטן אַלס געזאַנגס־ליבהאָבער אין גאָלדפאַדענס אָפּערעטן. ב. פאַרלאָזט די בינע, און ווערט אַ קאַנטאָר אין בעהמען, דערנאָך קערט ער זיך צוריק צו דער בינע, און שפּילט ביי אַקסעלראָדן אין טשערנאָוויץ ווי אויך אין די פּראָווינץ־טרופּעס אין גאַליציע, עסטרייך און אונגאַרן.

ב. האָט באַזעסן אַ גרויסע טענאָר־שטים, און אין 1892, בעת דער שיקאַגער אויסשטעלונג, איז ער געקומען קיין שיקאַגאָ אַלס דייטשער דועט־זינגער, און באַלד דערויף צוריקגעפאָרן קיין גאַליציע.

אין 1905 האָט טאָמאַשעווסקי אים געבראַכט צו זיך אין פּיפּלס־טעאַטער, און ב. איז אויפגעטראָטן אַלס „אַבשלום" צוזאַמען מיט ראָזא קאַרפּ אַלס „שולמית". אין 1906 ווערט ב. אַנגאַזשירט צו אַנגעדן אין וואָדעוויל, וואו ער טרעט אַרויס אַלס סטאַר אין די איינאַקטיקע אָפּערעטן, וועלכע ווערן דאָרט אויפגעפירט. ב. שפּילט

נאָך אין אייניקע אַנדערע וואָדעוויל-הייזער, דאַן אין געבילס דריטן סטריט-טעאַטער.

ב. האָט געהאַט אַ מום: איין האַנט איז ביי אים געווען פּאַראַליזירט, נאָר כל זמן זיין שטים איז געווען אין גלאַנץ און די וואָדעוויל-הייזער האָבן עקזיסטירט, האָט מען ניט מקפּיד געווען אויף זיין פעלער. פון מאָמענט אָבער, ווען עס איז געקומען אַן ענדערונג אין מצב פון די וואָדעוויל-הייזער און אין זיין שטים, האָט ב. געמוזט פאַרלאָזן די בינע, און איז ווידער געוואָרן אַ חזן.

אין מערץ 1929 איז ב. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק. איינער פון זיינע זין איז אַן אַקטיאָר אויף דער ענגלישער בינע.

מ. ע. פון מאיר שעהר, שלום פּערלמוטער, ראָזא קאַרפּ און י. שאַרגעל.

מ. מיאָדאָווניק — מיינע טעאַטער זיכרוינעס, „דער שטערן“, מינסק, 2-3, 1926.

בּראָנשטיין, אסתּר

[סטאָלאַרסקאַיאַ]

[געב. בערך 1875 — געשט. 3 יולי 1927]

געב. בערך 1875 אין מאָהילעוו, פּאָד. [?] ביי זייער אָרעמע עלטערן. אין 1885 קומט צו זיי אין שטעטל אַ רוסישע טרופּע. ב. כאַפּט זיך בגנבה אַריין אין טעאַטער, און ווערט אַזוי פאַרכּישופט פון שפּילן, אַז אָן אַ דערלויבניש פון אירע עלטערן און פון דירעקטאָר פון דער טרופּע, פאָרט זי נאָך דער טרופּע, ביי וועלכער זי איז אייניקע יאָר אַ דינסט, און אין די אָוונטן באַזוכט זי זייערע פאָרשטעלונגען.

אין עלטער פון 16 יאָר ווערט ב. אַ כאָריסטקע אין אַ יידישער טרופּע, דערנאָך שפּילט זי דאָרט קליינע, אומבאַדייטנדיקע ראָלן. מיט דער צייט ווייזט ב. אַרויס פעאיגקייטן אַלס דראַמאַטישע אַקטריסע, און שפּילט אַלס אַזעלכע ביי פישזאָנען, סאַבּסייען, אַ געוויסע צייט אויך מיט אסתּר רחל קאַמינסקי, און נאָך איר חתונה מיטן פּראָווינצער טעאַטער-דירעקטאָר בּראָנשטיין, ווערט זי די הויפּט-ראָליסטן פון איר אייגענער טרופּע.

שפּילנדיק אויף דער בינע האָט מיט איר פּאַסירט אַן אומגליק דורך וועלכן זי האָט פאַרלוירן אירע פיס [לויט „יוד נון“ אין „פאָרווערטס“ האָט דאָס געזאָלט פּאַסירן אין אַמעריקע], און נאָכן אָפּמאַטערן זיך אין נויט אייניקע יאָר אין אָדעס, איז ב. אָפּגעפאָרן קיין סאָראָקע, בעסאַראַביע, וואו זי האָט געהאַט קרובים און פריינט.

ניט קאָנענדיק מער אויפטרעטן אויף דער בינע, האָט ב. אָרגאַניזירט יוגנט-קרייזן מיט וועלכע זי פלעגט איינשטודירן פּיעסן. אָבער אין די לעצטע יאָרן האָט זי, צוליב איר קראַנקהייט, געמוזט אויך דערפון זיך צוריקציען און האָט פאַרבראַכט אין איינזאַמקייט ערגעץ אין אַ שמוציק הינטערגעסל, אונטערשטיצט פון צייט צו צייט פון אירע פאַרערער.

דעם 3 יולי 1927 איז ב. געשטאָרבן אין סאָראָקע.

מ. ע. פון יצחק בליפעלד און אברהם טייטעלבוים.

יוד נון — געשטאָרבען די אידישע אַרטיסטין אסתּר בּראָנשטיין. „פאָרווו“, 19 אויגוסט, 1927.

בּראָנשטיין, דוד

געבוירן אין בערעסלאַוו, כערסאָנער גובערניע, אוקראַאינע, פלעגט אַרומפאָרן אין דרום-רוסלאַנד און אין בעסאַראַביע מיט קליינע טרופּעס, וועלכע ער האָט געפירט אונטער זיין דירעקציע. די דאָזיקע טרופּעס פלעגן על פּי רוב באַשטיין פון יונגע אַנפאַנגער-אַקטיאָרן און ב.׳ס פרוי, די אַקטריסע סטאָלאַרסקאַיאַ און ב., וועלכער פלעגט שפּילן כאַראַקטער-קאָמישע ראָלן.

זיינע בעסטע ראָלן זיינען געווען „וועלוועל“ אין „וועלוועל עסט קאָמפּאָט“ און „שבתי גולם“ אין לאַטיינערס „די פאַרבלאָנדזשעטע נשמה“.

מ. ע. פון אברהם טייטעלבוים און י. פישעלעוויטש.

בּראַף, מאיר

געב. 19 מערץ 1896 אין טאַרנאָוו, מערב-גאַליציע. פאָטער — אַ סוחר. געלערנט אין חדר, און פּריוואַט — דייטש און פּויליש.

אין עלטער פון 14 יאָר וואַנדערט ב. אַליין אויס קיין אַמעריקע. דאָ הויבט ער אָן שרייבן ראָלן אין קלינטאָן סטריט-טעאַטער, און ער שפּילט אויך פון צייט צו צייט. זייט 1917 איז ב. סופלער אין פאַרשיידענע טרופּעס.

מ. ע.

בּרוידי, יוסף

געב. 12 פעב. 1877 אין ליאַכאָוויטשי, מינסקער גוב., ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַ שניידער. געלערנט אין חדר. אין 1887 עמיגרירט זיין פאָטער קיין אַמעריקע, און ב. ווערט אָפּגעגעבן אין ישיבה אין סלאָנים, וואו ער לערנט זעקס יאָר, און עסט „טעג“. געהאַט אַ שטים, און אַרויסגעוויזן אַ גרויסע נטיה צו מוזיק, פלעגט זומער נאָכגיין מיילן-וויי׳ז דעם מיליטערישן אָרקעסטער, וואָס פלעגט שפּילן אין סלאָנימער פּאַרק. ווען ס׳פאָרן אַן חזנים אויף פּראָבע קיין סלאָנים, וואַרפט ב. דאָס לערנען, און ווערט משורר. דער חזן משה באָס נעמט אים מיט קיין ביאַליסטאָק, וואו ברוידי זינגט אין זאַבלודאָווסקים שול ביז דער דיריגענט בערמאַן מאַכט אים פאַר זיין געהילף, און לערנט אים די טעאָריע פון מוזיק. דאָרט לערנט ברוידי אויך ביי אַ לערער רוסיש און העברעאיש.

ב. פאַרלירט די שטים און נעמט שרייבן חזנישע קאָמפּאָזיציעס. אַזוי האָט ער אָנגעשריבן „אין כמוך“ פאַרן חזן רויטמאַן, דאַן ווערט ב. אַנגאַזשירט צום חזן קאַהאַנע אין ווילנע אַלס דיריגענט, דערנאָך אויפן זעלבן פּאָסטן ביים חזן יואל זעליג אין פּינסק.

צוליבן פּריזיוו ווערט ב. אין 1895 דורך זיין פאָטער אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע. דאָ אַרבעט ער אַ קורצע צייט ביים חזן קופער, פאָרט קיין פילאַדעלפיע, וואו ער איז דיריגענט אין דער שול פון פאָרסייט-סטריט ביז מאָריס פינקעל עפנט אין אָרטש סטריט אַ יידיש טעאַטער, און אַנגאַזשירט אים אַלס דיריגענט. נאָכן זיין דאָרט 2 יאָר, ווערט ב. אַנגאַזשירט דורך קעסלער, וועלכער גאַסטראָלירט דאָרט פאַרן ניו-יאָרקער טאַליאַ-טעאַטער, וואו ער שרייבט אָן זיין ערשטע קאָמפּאָזיציע פאַר אַ טעאַטער-שטיק („חפני און פּנחס“, אָדער „רחל“ אָדער „דגל מחנה יהודה“ פון מ. א. שאַרקאַנסקי). מיט קעסלערן איז ב. פאַרבונדן 22 יאָר, דערנאָך 2 יאָר אין פּיפּלס-טעאַטער (שולמאַן און ראַווינדזשער), 2 יאָר אין ליבערטי- און 1 יאָר אין האָפּקינסאָן-טעאַטער אַלס דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר.

ב. האָט פאַרפאַסט מוזיק צו אייניקע און זעכציק פּיעסן, דערונ-

טער „די שיינע מרים" פון גאָרדין, „כתר מלכות" פון טער, „די יידן אין בראַזיליע" פון הערמאַלין, „לא מיט אַ אלף" פון כץ, „דער קרבן" פון הורוויץ, „יהודית די צווייטע", „דאָס יידישע האַרץ", „יום החופּה" און, „אַן אמתער פּריינט" פון לאַטיינער.

באַזונדערס פּאָפּולער זיינען ב.'ס קאָמפּאָזיציעס „מזמור לדוד" אין גאָרדינס „גאָט מענטש און טייוול", און זיינע סינאַגאָגאַלע נומערן „אל תשליכנו" און „אדם יסודו מעפר" אין „יום החופּה".

מ. ע.

א. פרומקין — עלטערער דור איז דער אמת'ער טעאַטער-עולם, „מא"זש", 30 מערץ, 1928.

ברוידע

לויט אַן אָפּהאַנדלונג אין „דיען" (נומער. 47, 20 נאָוו. 1870) איז דעם 27טן אָקטאָבער 1870 אויפגעפירט געוואָרן אין טעאַטער אַלקאַזאַר אין וואַרשע ב.'ס דראַמע „יודים" אין 4 אַקטן מיט געזאַנג.

די אויפפירונג ווערט כלומרשט אַנאָנסירט אַלס אַ דייטשע, אָבער באמת שפּילט מען אויף יידיש.

די פּיעסע באַהאַנדלט די געשיכטע הולפרנוס און יהודית.

אין דער אויבנדערמאָנטער צייטונג איז איבערגעגעבן דער אינהאַלט פון דער פּיעסע, אַ רעצענזיע וועגן שפּילן און אַ כאַראַקטעריסטיק פון פּובליקום, צווישן וועלכן ס'האָבן זיך אויך געפונען פיל קריסטן פון דער העכערער געזעלשאַפט.

ל. דושמאַן — איז דאָס יידישע טעאַטער געגרינדעט געוואָרן אין וואַרשע ? „ליט"בל", 13, 1928

ברוידאַ, מ. ז.

[מייער גרוזני]

געבוירן 4 אָקטאָבער 1892 אין סאָסניצע, טשערניגאָווער גוב. אוקראַאינע. פאָטער — אַ שניידער. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר, צוערשט ביי אַ פּריוואַטן מלמד, דערנאָך אין תלמוד תורה. דער פאָטער איז געווען אַמאָל אַ פּורים-שפּילער אויף אַן אימפּראָוויזירטער בינע אין דער וויבערישער שול, און פלעגט שפּילן „יוסף" אין „מכירת יוסף". אויך דער עלטערער ברודער פלעגט זיך באַטייליקן אין דיזאָזיקע פּורים-שפּילן. ב. לערנט זיך ביי זיי אויס די לידער און „שפּרוכן" (דיאַלאָג), נעמט צונויף אייניקע חדר-יונגלעך און שפּילנדיק „המן", אָרדנט ער איין אין עלטער פון 11 יאָר אַזאַ שפּיל איבער די הייזער פון שטעטל. קלעבנדיק די „קאָסטיומען" לערנט זיך ב. אויס אַביסל איינבינדעריי, און טרעט דעריבער אַריין צו אַן איינבינדער.

געזען אין 1905 שפּילן גענפערס טרופּע, ווערט ב. אַזוי באַגייסטערט, אַז ער באַשליסט ווערן אַן אַקטיאָר, פאָרט קיין פּאָלטאַווע צו זיין שוועסטער, באַזוכט דאָרט אָפט די רוסישע און יידישע טעאַטערס, און פאָרט קיין אָדעס אַריינצוטרעטן אין יידישן טעאַטער. דאָס גיט זיך אים אָבער ניט איין, און ב. הויבט אָן אַרויסצוטרעטן אַלס דעקלאַמאַטאָר אויף אינטימע אָוונטן. זייט 1912 אָנגעהויבן אַרויסטרעטן אַלס כאַראַקטער-קאָמיקער אין איינאַקטערס. 1913 דעזערטירט פון מיליטער-דינסט, און אַנטלאָפן קיין ארץ-ישראל. אַ קורצע צייט געאַרבעט אין דער פאַרם „בן-שמן", נאָכדעם אַלס איינבינדער אין יפו, און דאָרט צוזאַמען מיט וואַרדי געשפּילט אין די העברעאישע ליבהאָבער-אויפפירונגען, און אין מלחמה-צייט צוזאַמען מיטן אַקטיאָר נחמן זיבעל אַרויסגעטראָטן אין די קינאָ-זאַלן מיט דעקלאַמאַציעס אויף יידיש, און דערנאָך (צוזאַמען מיט זיבעל און וואָלקאָוויטש און פּרוי) אויפגעפירט כ"ב תשרי 1914 אין יפו „זשידאָווקאַ" אויף יידיש. ניט געקוקט אויף פאַרשיידענע שטערונגען איז די פאָרשטעלונג איבערגעחזרט געוואָרן אייניקע מאָל. באַלד דערנאָך איז ב. געפאָרן קיין עגיפּטן, וואו ער האָט אין אַלעקסאַנדריע צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַקטיאָרן אָרגאַניזירט אייניקע יידישע אָוונטן, דערנאָך געשפּילט אַ קורצע צייט יידיש אין קאַיראָ, אין טעאַטער פּרינטאַניע. פון דאָרט געוואַנדערט קיין בולגאַריע, וואו ב. טרעט אַרויס אין 1916 מיט העברעאישע דעקלאַמאַציעס, שפּעטער מיט רוסישע און בולגאַרישע דעקלאַמאַציעס, און פאָרט אַ געוויסע צייט אַרום איבער דער פּראָווינץ מיט אַ בולגאַרישער טרופּע. 1918 אָנגעקומען אין ראַטנפאַרבאַנד, אַריין אין פּאָלטאַווער טעאַטער-קאָמיטעט אַלס אינסטרוקטאָר ביים נאַציאָנאַליזירן טרופּעס און שטודירט אייניקע חדשים אין קיעווער קאָנסערוואַטאָריע. אין צייט פון בירגער-קריג געווען אָנפירער פון אַ דראַמקרייז אין סנאָווסק, טשערניג. גוב., דערנאָך געשפּילט אייניקע חדשים אין דער פּראָווינץ-טרופּע פון שיינפעלד, אין קיעוו ביי ראַקיטינען, אין פּאָלטאַווע ביי זאַסלאַווסקין, אין האָמעל מיט ליכטענשטיין און רובין, דערנאָך אָנגעפירט מיט אַ דראַמקרייז אין גלוכאָוו און דאָרט אויפגעפירט אין 1922 אין זיין איבערזעצונג זודערמאַנס „ערע" און באַטיילס „דאָס אומפאַרשטענדיקע מיידל". שפּעטער געשפּילט אין ראָמני ביי גוזיקן, אין מינסק ביי בראַנדעסקאָן, 1924 אַ קורצע צייט צוזאַמען מיט בוגאָווא אין פּאָלטאַווע, און באַלד דערנאָך אין דער מאָסקווער שלום-עליכם-סטודיע, דאַן אַריינגעטראָטן אין דער טעאַטער-סטודיע „פרייקונסט", (רעזשי ווערשילאָוו), וואו ער אַרבעט ביז איצט, און האָט דאָרט געשפּילט די טיטלראָל אין לייוויקס „הערש לעקערט".

ש. ע. דורך ל. דושמאַן.

О. Люпомирский—“Гирш Лекерт“ в театре студии “Фрайкунст“, “Трибуна“, Москва, 13, 1929.

ברוידע, שמחה

געב. 15 יאַנ. 1881 אין סטאַוויסק, לאָמזשער גוב., פּוילן. עלטערן — לעדער-סוחרים. געלערנט אין ישיבות, למודי-חוץ — פּריוואַט. אין אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט געקומען אין אַמעריקע, און זיך אַריינגעוואָרפן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אָרגאַניזירט אַ טעאַטער-אונטערנעמונג אין באָפלאָ לטובת דעם „בונד" און ווערט דורכדעם באַקאַנט מיט די ניו-יאָרקער מענעדזשערס און אַקטיאָרן, און הויבט אָן מענעדזשן יידישע טעאַטער-פאָרשטעלונגען, לכתחילה לשם קולטורעלער טעטיקייט, שפּעטער צוליב פּרנסה.

אין אָנהייב קויפט ב. בלויז אַ טייל פון דער פאָרשטעלונג פון די יידישע טרופּעס, וועלכע קומען קיין באָפלאָ, שפּעטער דינגט ער אָפּ די טרופּעס אויף פּראָצענט. אַ קורצע צייט פירט ער אַליין די טרופּעס, צאָלנדיק שכירות.

ש. ע.

ברוידעס, יצחק

געבוירן בערך 1880 אין ווילנע, פּויליש-ליטע, אין אַ בעל-הביתישער פאַמיליע. געלערנט אין חדר און ישיבה, זיך באַטייליקט אין

דער בונדישער, און שפּעטער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. געשריבן אַרטיקלען א. א. אין דער ווילנער יידישער פּרעסע. ב. האָט פאַרעפנטלעכט אַ דראַמע אין 5 אַקטן פון לעבן פון די יידישע עקסטערניקעס א״נ „אַ שטיין אין וועג“ (פ״ג קונסט 1911, 69 ז. 16°).

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, 436-7.

בּריה, אַננאַ

[געב. 15 פעב. 1873 — געשט. 20 סעפּט. 1917]

געב. 15 פעב. 1873 אין סאָקאָל, ביי לעמבערג, מזרח-גאַליציע. פאָטער—באַזיצער פון אַ קאַנטין [רעסטאָראַן אין אַ קאַזאַרמע]. אין 1891 אַריינגעטראָטן אין כאָר צו גימפּעלן, דערנאָך באַקומען קליינע ראָלן. אַ דאַנק איר שטים און בינע-פעאיגקייטן באַוויזט זי אָבער באַלד צו פאַרנעמען אַן אנגעזען אָרט אין טעאַטער, און אין 1892 האָט זי אַ גרויסן דערפאָלג אַלס „שולמית“ אין וואַרשעווער עלדאָראַדאָ-טעאַטער.

נאָכדעם ווי ב. האָט חתונה מיט אַדאָלף מעלצער, שפּילן זיי צוזאַמען יאָרן לאַנג אין פאַרשיידענע טרופּעס אין גאַליציע, בוקאָווינע, רומעניע און מערב-אייראָפּע. ב. טרעט שוין דאָ אַרויס א״נ אַננאַ מעלצער און שפּילט די ערשטע ראָלן אין דער אָפּערעטע און אין דער דראַמע, הויפּטזעכלעך אין לעמבערגער יידישן טעאַטער.

דעם 20טן סעפּט. 1917 איז ב. געשטאָרבן אין באַד קריניצאַ, מערב-גאַליציע.

ב.׳ס שוועסטער איז די אַקטריסע ראָזאַ שילינג.

מ. ע. פון פּעטער גראַף און יוליוס גוטמאַן.

ש. ע. פון לעאָן הערבסט.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II. ז. 147.

אסתר רחל קאַמינסקי — (זכרונות) „מאָמענט“, 29 סעפּט., 8 אָקט., 1926.

בּריה, ראָזאַ

געב. 1893 אין סאָקאָל, ביי לעמבערג, מזרח-גאַליציע. פאָטער — אַ סוחר. געענדיקט אַ 8 קלאַסיקע קרייז-שול אין לעמבערג. אָנגעהויבן שפּילן אין 1911 אין טשערנאָוויץ ביי אַקסעלראַדן, דערנאָך מיט אַדאָלף מעלצער אין יאַסי; אין 1913 מיט הערשל צוקערבערג אין קראָקע. שפּעטער האָט ב. געמאַכט אַ טורנע איבער גאַליציע, און אין 1914 האָט זי געשפּילט ביי פּאַדזאַמטשע אין ווין, דערנאָך אין פּראַג מיט קלוג. אין 1916 קומט ב. צוריק קיין קראַקע, און שפּילט דאָ איניקע יאָר ביי צאָלמאַנען, יאַקאָבן און מיט מעלצערן. אין 1919 האָט ב. גאַסטראָלירט ביי קאָמפּאַניעען אין לאָדזש, און דערנאָך רייסט זי איבער איר בינע-טעטיגקייט אַרויסטרעטנדיק בלויז אין 1926 מיט שילינגן.

אַמפּלואַ — פּרימאַדאָנע און דראַמאַטיסטין.

ש. ע. פון לעאָן הערבסט.

בּרייטמאַן, פּאול

געב. 5 מאַי 1890 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — פּאַדריאַדטשיק ביים רוסישן מיליטער. געלערנט אין חדר, געענדיקט אַ רוסישע שטאָטישע שול און 2 קלאַסן גימנאַזיע. אין עלטער פון 11 יאָר ווערט ער אַ משורר ביי אַ חזן, דערנאָך געוואָרן דער אַלט-סאָליסט אין נאַזשיקס שול, ביז ער פאַרלירט די קינדער-שטים און טרעט דערנאָך אַריין אין כאָר ביי קאַמינסקי און ליבערט אין באַגאַטעלאַ, וואו ער באַקומט באַלד קליינע ראָלן, אָבער ווען די טרופּע גייט איבער אין זשאַרדען ד׳היווער, ווערט ער צוריק כאָריסט. דערנאָך פאָרט ער צו בערנשטיינען אין לובלין, וואו ער טרעט אויף אַלס אַקטיאָר („ברוך“ אין „דר. יאָזעלמאַן“). נאָכן שפּילן דאָרט אַ סעזאָן, טרעט ב. אַריין צו בעקערן, דאַן אין לובלין אין דער פאַראייניקטער טרופּע פון גוזיק-זשעלאַזאָ-קרויזע, און ווערט אַנגאַזשירט קיין וואַרשע אין מוראַנאָווער טעאַטער (מייערסאָן, ראַפּעל, קאַמינסקי, סיעראַצקי) אַלס זינגער-אַקטיאָר אויפטרעטנדיק אַלס „ירמיהו“ אין „חורבן ירושלים“. נאָכן שפּילן דאָרט אַ געוויסע צייט, גייט ב. איבער אין דער טרופּע סאַבסיי, וואו ער שפּילט 2 סעזאָנען, 1911 שפּילט ער ביי קרויזען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און רומעניע, דאַן ביי קאָמפּאַניעען אין וואַרשע, אַ קורצע צייט ביי פּישזאָן און צו איינציקע סעזאָנען ביי אַדלער-סיעראַצקי אין לאָדזש און ביי זיי אין וואַרשע. אין קריגס-צייט שפּילט ב. אין רוסלאַנד, סוף 1920 שפּילט ב. מיט אַ פאַראייניקטער טרופּע אייראָפּעאישע אָפּערעטן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פאָרט אַרום אויף קאָנצערטן אין איטאַליע און נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט (צוליב טיפוס-קראַנקהייט) אין ווין, גאַסטראָלירט ער אין רומעניע, שפּילט אין פּאַריז און אין לאָנדאָן ביי יאָזעף קעסלער, גאַסטראָלירט מיט וויערא קאַניעווסקאַ און מאַקס ברין אין אַן אייגענער טרופּע אין דרום-אַפריקע און דרום-אַמעריקע, שפּעטער גאַסטראָלירן זיי אין ווין, רומעניע און סוף 1928 אין ווין.

אַמפּלואַ — געזאַנגס-ליבהאָבער.

מ. ע.

בּריל, הירש דר.

[געב. אַפּריל 1891 — געשט. 7 אָקט. 1925]

געבוירן אַפּריל 1891 אין פּאָפּעליאָן, שאַוולער קרייז, ליטע. אין עלטער פון 17 יאָר פאַרלאָזט דאָס שטעטל, אַוועק קיין ווילנע און דאָרט געלערנט אין גימנאַזיע, דערנאָך שטודירט און געענדיקט מעדיצין אין ענגלאַנד, וואו ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער ענגלישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

1915 אַריבערגעטראָגן זיך קיין קאַפּשטאַט, דרום-אַפריקע, און דאָרט פּראַקטיצירט אַלס דאָקטאָר.

ב. האָט פאַרפאַסט „חרוב“, אַ דראַמאַטיש בילד אין איין אַקט, „שאול“, אַ ביבלישע דראַמע אין 4 אַקטן (ביידע געדרוקט אין חודש-זשורנאַל „דרום אַפריקע“, יאָהאַניסבורג 1922-3, און אין בוכפאָרם פ״ג ליכט, קאָוונע 1922).

בעת זיין באַזוך אין אייראָפּע האָט ב. אַרויסגעגעבן אין בערלין אַ זאַמלונג „אויפן שוועל“ (פ״ג „שוועלן“, 1924, זז. 99), וואָס אַנטהאַלט „אויפן שוועל“, דראַמע אין 3 אַקטן, פון דער צייט פון

פאַרן חורבן בית שני, „די דריי“, דיאַלאָגן צווישן יוסף בן מתתיהו פלאַוויאוס, יוחנן בן זכאי און יוחנן בן לוי, און „אויף דער גרענעץ“, אַ סצענע אין איין אַקט.

דעם 7 אָקטאָבער 1925 איז ב. געשטאָרבן אין דרום-אַפריקע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 429-30.

בריל (ליפּ) יצחק-ליפּע

געבוירן 22 אויגוסט 1874 אין מיינץ, דייטשלאַנד. צו 10 יאָר אַריבערגעפאָרן מיט זיין פאָטער קיין לאָנדאָן, וואו ער שטודירט אין יידישן קאַלעדזש, ווערט אַ לערער און זייט 1894 געוואָרן אַקטיוו אַלס זשורנאַליסט אין דער יידיש-דייטשער, יידישער און יידיש-ענגלישער פרעסע. באַזעצנדיק זיך שפּעטער אין ניו-יאָרק, האָט ב. געשריבן וועגן דער יידישער דראַמע אין דער אַמעריקאַנער ענציקלאָפּעדיע, אַרויסגעגעבן פון דער ענגלישער צייטונג „די ניו-יאָרק דזשורנאַל“.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 436-7.

בריןָ, אליא

[גאָלדע זיידלין]

געב. 11 פעב. 1896 אין אָדעס, אוקראַינע. עלטערן-קאָלאָניאַל-סוחרים. געענדיקט אַ 6-קלאַסיקע פּריוואַט-שול, און אַלס קינד געלערנט יידיש ביי אַ לערער. וואוינענדיק אין שכנות פון יידישן טעאַטער, באַקענט זיך ב. מיט כאָריסטקעס און אַקטריסעס-אַנהויבער, און טרעט אין 1917 אַריין אין כאָר. נאָך אַ קורצער צייט פאָרט זי אַרויס קיין קיעוו מיט קאַנאַפּאָוו, ליבערט און בערנאַרד יאָנג. דאָרט דעביוטירט זי אַלס „מאַמע“ אין טאָמאַשעווסקים „דאָס פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלע“, פאָרט דערנאָך אַ קורצע צייט מיט יאָנג איבער בעסאַראַביע, דערנאָך שפּילט זי אין רומעניע ביי אשכנזי-זיגלער, שפּעטער ביי סעגאַלעסקאָ, איציקל גאָלדענבערג, מיט הענריעטאַ שניצער און $1\frac{1}{2}$ יאָר מיט פּאַטאַצקאַ. אין 1927 שפּילט זי צוזאַמען מיט איר מאַן, שלום ברין, אין ווין, דערנאָך אין בודאַפּעסט און טשעכאָ-סלאָוואַקיע.

מ. ע..

ברין, מאַקס

געב. 16 יולי 1884 אין לאָדזש, פּוילן, ביי פרומע עלטערן. געלערנט אין מאָדערנע חדרים און אין אַ פּריוואַט-שול. געאַרבעט אין אַ מאַנופאַקטור-געשעפט. דער כאָריסט עבענהאָלץ רעקאָמענדירט אים אַלס כאָריסט אין אַפּאָלאָ-טעאַטער אונטער דער דירעקציע קאַמינסקי-בערמאַן, אָבער נאָכדעם ווי ס'ווערט אין לאָדזש פאַרווערט צו שפּילן יידיש טעאַטער, ווערט ב. צוריק אַן אַנגעשטעלטער אין אַ מאַנופאַקטור-געשעפט.

אין 1905 טרעט ב. אַריין צו זאַנדבערגן אין גרויסן טעאַטער, וואו ער שפּילט קליינע ראָלן. 1906 פאָרט ער אָפּ אויף אַ טורנעע איבער פּוילן מיט דער פאַראייניקטער טרופּע פון מוראַנאָווער טעאַטער. 1908 — שפּילט ער מיט יוליוס אַדלער אויף אַ טורנעע איבער רוסלאַנד. 1909 געשפּילט אין בעלגיע, פּאַריז, לאָנדאָן און בוענאָס-איירעס, וואו ער האָט אויך געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט מאַשקאָוויטשן, דערנאָך זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד און סוף 1913 אַ קורצע צייט געשפּילט ביי יוליוס אַדלערן אין וואַרשע. צוליב דער מלחמה געוואָרן מאָביליזירט, אַנטלאָפן קיין לעמבערג, וואו ער שפּילט ביז דער רעוואָלוציע, און ווערט אַנגאַזשירט קיין וואַרשע אין „ווענוס“ און דערנאָך אין סקאַלאַ ביי אַדלערן אין לאָדזש. ב. אָרגאַניזירט דערנאָך אַליין אַ טורנעע איבער די ראַנד-געביטן, באַטייליקט זיך שפּעטער אין צעלמייסטער-פּיקאָן טרופּע אין וואַרשע, גאַסטראָלירט איבער פּוילן אַליין און מיט קאַניעווסקאַ-ברייטמאַן, באַטייליקט זיך אין אַדלערס דראַמאַטישער טרופּע איבער פּוילן, פאָרט דערנאָך אָפּ מיט קאַניעווסקאַ-ברייטמאַן קיין דרום-אַפריקע, דרום-אַמעריקע און קומט צוריק קיין פּוילן, וואו ער שפּילט אַ קורצע צייט, דערנאָך אין ווין, 1928 — אין רומעניע, בעסאַראַביע און ווין.

ב. שרייבט אויך פון צייט צו צייט אַקטועלע קופּלעטן אויף באַקאַנטע מעלאָדיעס.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער-קאָמיקער.

מ. ע.

ווער זיינען אונזערע שוישפּילער? — „טא“ק“, לאָדזש, 5, 1922.

ברין, ראָזאַ

[שקליאַרזש]

געב. 1886 אין טשענסטאָכאָוו, פּוילן, ביי אָרעמע עלטערן. אין עלטער פון 15 יאָר אָנגעהויבן שפּילן מיט „ליבהאָבער“, און 3 יאָר שפּעטער אַרומגעפאָרן מיט פּראָפעסיאָנעלע פּראָווינץ-טרופּעס איבער קעלץ, ראַדאָם, דערנאָך אַריינגעטראָטן אויף קליינע ראָלן אין יוליוס אַדלערס טרופּע. דאָרט האָט ב. אין 1908 חתונה מיט מאַקס ברין, און פאָרט מיט אים קיין פּאַריז אין מ. ד. וואַקסמאַנס טרופּע, דערנאָך מאַכן זיי מיט אַ טורנעע איבער ענגלאַנד און בעלגיע, שפּעטער ווערט זי אַנגאַזשירט צו מאָשקאָוויטשן און דערנאָך צו יאָזעף קעסלער אין לאָנדאָן. אין 1912 שפּילט ב. אין אַרגענטינע, 1913-4 ביי יוליוס אַדלער און ה. סיעראַצקי אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער און אין וואַרשעווער קאַמינסקי-טעאַטער, אין קריגס-צייט שפּילט ב. אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער, דערנאָך פאָרט זי אָפּ קיין רוסלאַנד, וואו זי האָט חתונה מיט אַלבערט סעגאַלעסקאָ.

ש. ע. פון מאַקס ברין.

ברין, שלום

געב. 18 אַפּריל 1889 אין יפו, ארץ-ישראל, און צוויי יאָר שפּעטער, נאָכן פאָטערס טויט, אַריבערגעפאָרן קיין פּאַנעוועזש, ליטע, וואו ער ווערט דערצויגן ביז זיין 13טן יאָר. ביז 15 יאָר געלערנט אין בית-המדרש און דערנאָך געוואָרן אַן עקסטערן.

אין 1905 איז ב. אין ליבוי לערער אין דער פאַמיליע פון אַקטיאָר קאָמפּאַנעיעץ. צוליב דעם געהערן צום „בונד“ מוז ב. זיך אויסבאַהאַלטן אויף אַ פאַלשן פּאַס, און ווערט זומער 1906 אַרעסטירט אין אַסטראַוו, און ווען ער ווערט אין פרײ-

לינג 1907 באַפרייט, טרעפט ער אָן אין ראָוונע אַ יידישע טרופּע, וועלכע נעמט אים צו אַלס סופלער. נאָך אַ קורצער צייט הויבט ב. אָן שפּילן ראָלן, זיין דעביוט איז געווען אַלס „מיליאָנער" אין „שרה שיינדל". ב. פאַרלאָזט אָבער באַלד די טרופּע, און פאָרט אַרום אַלס בונדישער אַגיטאַטאָר איבער ווייסרוסלאַנד און וואָלין, אָרגאַניזירנדיק גלייכצייטיק דראַמאַטישע קרייזן אין וועלכע ער איז רעזשיסער. הערבסט 1908 טרעט ב. אַריין אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין אַ טרופּע אין טשענסטאָכאָוו, שפּילט ביז 1910 אין פאַרשיידענע פּראָווינץ-טרופּעס אין פּוילן און דרום-רוסלאַנד, באַטייליקט זיך אין אייניקע העברעאישע פאָרשטעלונגען אין אָדעס, 1910-13 — אין אָדעס, 1913-14 — אין אַ טרופּע א"פ זשעלאַזאָ און מרים טרילינג, מיט וועלכער ער מאַכט אַ טורנעע איבער פּוילן. בעתן מלחמה-אויסברוך פאָרט ער אָפּ שפּילן אין אָדעס. 1915-16 — אַ טורנעע מיט יעקב ליבערט איבער בעסאַראַביע און דער וואָלגאַ-געגנט. סוף 1916 געגרינדעט אַן אייגענע טרופּע אין דאָנעצער געגנט, נאָך דער רעוואָלוציע אין 1917 ווערט ב. דירעקטאָר פון זשיטאָמירער שטאָט-טעאַטער, אַ פאַרוואַלטונגס-מיטגליד אין ערשטן אַל-רוסישן אַרטיסטן-פאַריין, לייטער און רעזשיסער פון אַ קאָאָפּעראַטיווער יידישער טרופּע אין בערדיטשעוו און אַ דאַנק ב.'ס איניציאַטיוו ווערט דאָס טעאַטער רעאָרגאַניזירט אַלס געזעלשאַפטלעך טעאַטער א"נ „מענדעלע-טעאַטער". זומער 1918 שפּילט ב. אין קיעוו אין אַ אַפּערעטן-טרופּע, געבנדיק פון צייט צו צייט מיט דער הילף פון קיעווער לערער-פאַרבאַנד דראַמאַטישע נאָכמיטאָג - פאָרשטעלונגען. ווינטער 1918 — אָרגאַניזירט ב. אין פּאָלטאַווע אַ געזעלשאַפטלעך-און שפּעטער אַ יידיש מלוכה-טעאַטער אונטער דער קאָנטראָל און מיטן אַנטייל פון דער „קולטור-ליגע" א"נ „מענדעלע-טעאַטער", וואו ב. איז דירעקטאָר און פאָרזיצער פון רעזשי-קאָלעגיום. דערנאָך ווערט ב. פאָרזיצער פון פּאָלטאַווער גובערניאַלן טעאַטער-קאָמיטעט, און רעזיגנירנדיק פון דירעקטאָר-אַמט, בלייבט ער ווייטער רעזשיסער און אַקטיאָר. צוליב די פּאָליטישע געשעענישן צעפאַלט זיך דאָס טעאַטער, און מיט די רעשטלעך פון דער טרופּע אַנטלויפט ב. קיין קרים, וואו זיי שפּילן אַ יאָר, פון דאָרט וואַנדערן זיי אויס קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ב. גרינדעט מיט דער הילף פון דר. וולאַדימיר טיאָמקין און אייניקע דזשאָינט-מיטגלידער אַ „יידיש פאָלקס-טעאַטער". צוליבן קריזיס עקזיסטירט דאָס טעאַטער נאָר אַ יאָר, און נאָך אייניקע חדשים וואַנדערן איבער גריכנלאַנד און איטאַליע קומט ב. מיט דער טרופּע אין יאַנואַר 1924 קיין ווין, וואו נאָכן שפּילן אייניקע פאָרשטעלונגען אין האָטעל סטעפאַניע, ווערן פון די 32 טרופּע-מיטגלידער 28 קראַנק אויף טיפוס, און ב.'ס פרוי, סאָניע, שטאַרבט.

די טרופּע צעפאַלט זיך און ב. פאָרט קיין רומעניע, וואו ער איז ביז 1926 געווען אַקטיאָר, רעזשיסער און אונטערנעמער פון פאַרשיידענע טרופּעס. 1926 שפּילט ב. אין בודאַפּעסט און טשעכאָסלאָוואַקיע, זומער 1927 אָרגאַניזירט ב. אין ווין די „יידישע קינסטלער-שפּילע", 1928 שפּילט ב. אַ קורצע צייט מיט פּאַטאַצקאַ און דערנאָך מיט אַ טרופּע איבער פּוילן.

ב. האָט אָנגעשריבן פאָלגנדיקע קאָמעדיעס און מעלאָדראַמעס, וועלכע ווערן געשפּילט אויף דער יידישער בינע אין מזרח-אייראָפּע: „יאַנקעל שאָלטיק", „די באָמבע", „אַ מינוט און גוט", „שרהקע די וואַרשעווערין", „געכאַפּט דעם טאַטן", „אַ מיידל מיט אַ פאַרגאַנגענהייט", „זיין געליבטע", און איבערזעצט פאַר פּאַטאַצקאַ: „הערבסט-פידלען", „וויערא מירצאַוואַ", „ראָמאַן", „דער פּרייז פון לעבן", „מאַדאַם סאַן-זשען", און „דער פייער רינג און בלוט".

ב. האָט אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע אַרטיקלען וועגן טעאַטער אין דער רומעניש-יידישער פּרעסע.

ש. ע.

ברעכער, עגאָן

געב. 18 פעברואַר 1880 אין אָלמיץ, מעהרען. זיידע — גדעון ברעכער, דר. מעדיצין, אַ תלמיד-חכם. פאָטער — פּראָפ. מאָריץ ברעכער, ראש-הקהל אין פּראָסניץ און ברין, מעהרען. געענדיקט אַן אָבער-רעאַל-שול אין ברין.

אין 1900 ווערט ב. אַן אַקטיאָר אין היידלבערג, און פאָרט אַרום ביז 1910 מיט דייטשע טרופּעס איבער דער פּראָווינץ פון עסטרייך און דייטשלאַנד, שפּילט אויך אין בערלין.

צוליב אינטערעס צום „יידישן" טעאַטער, האָט ב. אין 1900 אויפגעפירט אין ווין אויף דייטש מיט האַלב-פּראָפעסיאָנאַלן דר. הערצלס „נייע געטאָ". 1907 — דאָרט געגרינדעט צוזאַמען מיט דיכטער דר. הוגאָ צוקערמאַן פון ווין אַ יידיש קונסט-טעאַטער אויף דייטש אין וועלכן ב. פירט אויף מיט האַלב-פּראָפעסיאָנאַלן פּיעסן פון פּרץ, אַש, קאָראַלניק און פּינסקיס „אייביקער ייד" (מיטן אַנטייל פון דוד הערמאַן).

פון 1910 ביז 1921 איז ב. געווען אין ווין פאַרבונדן מיט די יאַרנאָ-בינעס (שטאָט-טעאַטער, יאָזעפשטעטער-טעאַטער און קאָמעדיע-הויז), אַרויסטרעטנדיק דאָרט אַלס שוישפּילער און רעזשיסער אין אויפפירונגען פון סטרינדבערג, איבסען און וועדעקינד ווי אויך אין קלאַסישן רעפּערטואַר. אין קאָמעדיע-הויז האָט ב. אויך אויפגעפירט אויף דייטש פּינסקיס „אייזיק שעפטל", „גאַברי און די פרויען" און „אוצר" (מיט שילדקרויטן) און הירשביינס „תקיעת כף".

אין 1919 ווערט ב. לערער פון דיקציע און דעקלאַמאַציע אין דער דראַמאַטישער שול (דיר. יעקב מעסטעל) פון דער „פרייע יידישע פאָלקסבינע". אין 1920-1 פאַרבינדט זיך ב. מיט דער „פרייע יידישע פאָלקסבינע" אַלס רעזשיסער, געבנדיק אויך זיין נאָמען (צוזאַמען מיט יצחק דייטש) אַלס דירעקטאָר פון טעאַטער. אויסלערנענדיק זיך יידיש טרעט ב. אויף אין יידיש אַלס „יאַנקעל שאַפּשאָוויטש" אין אַשס „גאָט פון נקמה", דערנאָך פירט ער אויף טשיריקאָווס „יידן" און הירשביינס „תקיעת כף" מיט באַראַטאָוון, און דערמעגלעכט, אַז דער באַקאַנטער דייטש-יידיש-טעאַטער-דירעקטאָר פון ווין, יאָזעף יאַרנאָ, זאָל פאַרבעטן די יידישע טרופּע שפּילן אין זיינע טעאַטערס.

אין 1921 ווערט ב. אַנגאַזשירט צו מאַקס ווילנער אין ניו-יאָרקער אירווינג פּליים-טעאַטער, אין וועלכן ער טרעט אויף אַלס „נתן החכם" פון לעסינג (איבערזעצט פון שמואל יעקב אימבער), און גייט באַלד איבער צו דער ענגלישער בינע, אַרויסטרעטנדיק אַלס דער „צווייטער טרעמפּ" אין מאָלנאַרס „ליליאָם" ביי דער טעאַטער-גילד.

ווען ס'גרינדעט זיך דאָס טעאַטער „אונזער טעאַטער" אונטער דער פירונג פון הירשביין, פּינסקי, לייוויק און עלקין, ווערט ב. צוגעצויגן אַלס רעזשיסער און אַקטיאָר, און טרעט אויף אַלס „דן" אין אַנ-סקיס „טאָג און נאַכט", וועלכע ער העלפט מיט רעזשירן. דערנאָך פירט ב. אויף פּינסקיס „לעצטער סך-הכל" און שפּילט די הויפּטראָל אין ראַבאָיס „שטעכיק דראָט". ווען דאָס

טעאַטער פאַרמאַכט זיך, קערט זיך ב. צוריק צו דער ענגלישער בינע, וואו ער באַטייליקט זיך אין 2 פיעסן צוזאַמען מיט לעאָן באַרימאָר און זייט 1925 שפּילט ער אין סיוויק רעפּערטואַר-טעאַטער מיט אי-וואַ לאַ'גאַליען, וואו ער פאַרנעמט זיך אויך מיט רעזשי.

ש. ע.

ש. ע. פון יהודה בלייך און מ. ע. פון יעקב מעסטעל.

פרייע יודישע פאָלקסביהנע — „פּרעסעשטימען", ווין [1921].

שכנא עפּשטיין — די „הבימה"-קינסטלער אין אַ פאַרכשופטן קרייז, „פרייהייט", 22 דעצ. 1926.

בען נייטען — ער איז געקומען אין אַמעריקע שפּילען אויף דער אידישער ביהנע און האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען אויף דער ענגלישער, „דער טאָג", נ. י., 14 פעברואַר 1930.

Mollie B. Steinberg.—Interesting People, "The Jewish Tribune", N. Y., February 7th, 1930.

ברען, אברהם

[געב. . . . — געשט. 1929]

געב. אין וואַרשע, פּוילן. אין די יאָרן 1904-5 געווען איינער פון די אַקטיווסטע יידישע מיטגלידער פון פּ.פּ.ס. דורך דער באַקאַנטשאַפט מיט אברהם יצחק קאַמינסקי האָט זיך ב. דערנענטערט צום יידישן טעאַטער, און אין 1915 אויפגעבויט צוזאַמען מיט ה. ריבאָ דאָס צענטראַל-טעאַטער אין וואַרשע (לעשנאָ 2), וואו ב. איז ביז 1926 געווען דירעקטאָר. דאָס צענטראַל טעאַטער איז געווען די היים פון דער ריינער יידישער און איבערזעצטער דראַמע, אָפּערעטע און קאָמעדיע.

אין 1926 האָט ב. געמוזט פאַרמאַכן דאָס טעאַטער ווייל די רע-גירונג האָט אָפּגעקויפט דעם בנין פאַר אירע צוועקן. ב. האָט דאַן געפּרובט אויפבויען אַ צווייט יידיש טעאַטער, אָבער ער איז אין דעם געשטערט געוואָרן דורך דער שטאָט-רעגירונג, און נאָכן ליידן דורכדעם גרויסע מאַטעריעלע פאַרלוסטן, איז ער געצוואונגען געווען אויסצוואַנדערן קיין בראַזיליע.

דאָ האָט ב. געפּרובט גרינדן אַ שטענדיק יידיש טעאַטער, אָבער נאָך 3 חדשים, האָט ער זיך פאַרלויפיק צוריקגעצויגן פון זיין פּלאַן, און באַגנוגנט זיך מיט איינאָרדנען פון צייט צו צייט יידישע פאָר-שטעלונגען.

אין 1929 איז ב. געשטאָרבן אין בראַזיל.

ש. ע. פון זיין זון יצחק ברען.

מיכאל וויכערט — „טעאַטער און דראַמע", I. ז. 60.

אַ טעאַטראַל — פינף און צוואַנציג יאָהר אידיש טעאַטער פון ה' א. ברען, „בראַזיליאַנער אידישע פּרעסע", ריאָ דע זשענעיראָ, 23 דעצ. 1927.

ברענער, יוסף חיים

[געב. 1881 — געשט. 1 מאַי, 1921]

געב. אין 1881 אין נײַ-מלין, טשערניגאָווער גובערניע, אוקראַאינע. פאָטער — אַ מלמד. דעביוטירט אין 1899 מיט אַ דערציילונג אין „המליץ", שפּעטער זיך געווידמעט דער העברעאישער ליטעראַטור. אין דער קליינער צאָל פון זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן אויף יידיש געפינט זיך אויך זיין איבערזעצונג פון „דאָס נייע געטאָ, אַ דראַ-מאַ אין 4 אַקטען [פון] דר. טהעאָדאָר הערצל, איבערזעצט מיט ערלויבנים פון יורשי הרצל, מיט איינלייטונג פון אוניוו. פּראָפע-סאָר דר. ל. קעלנער, לעמבערג, תרפ"ט". [73 ז. 16°. אין בוך

געפינט זיך נאָך אַ שער-בלאַט אויף וועלכן ס'שטייט אנשטאַט דעם יידישן דאַטום דאָס יאָר 1908, און אנשטאַט ברענערס נאָמען „אי-בערזעצט פון י. מחבר"]. די איבערזעצונג איז אין 1913 געשפּילט געוואָרן אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער (דיר. יוליוס אַדלער — ה. סיעראַצקי).

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 450-444.

ברעסטאָוויצקי, יצחק

געב. 19 יאַנ. 1886 אין קרעמענטשוג, אוק-ראַאינע, ביי עלטערן סוחרים. געלערנט אין חדר, נאָכדעם אין שטאָטישער שול. אין עלטער פון 10 יאָר שטאַרבט אים אָפּ זיין פאָטער, און ער ווערט אַ משורר ביים חזן אין דער גרויסער שול.

אין עלטער פון 12 יאָר אנטלויפט ער פון דער היים קיין אָדעס, און זינגט אויך דאָרט אין שול ביים חזן שיינבערג.

אין עלטער פון 16 יאָר פאָרט ער אוועק קיין סמאָלענסק און טרעט אריין אין אַ רוסישער טרופּע אַלס סצע-נאַריום-פירער. נאָך 2 יאָר ווערט ער, צוליב וואוין-רעכט, צוריק-געשיקט אין זיין געבורט-שטאָט, און דאָ טרעפט ער די טרופּע פון דוד סאַבסיי, וואו ער ווערט אריינגענומען אַלס בוטאַפאָר. אין 1904 באַקומט ער אין דער טרופּע זיין ערשטן אויפטריט אַלס „קאַטערינשטשיק" אין גאָלדפאַדענס „באָבע יאכנע".

נאָכן פּאָגראָם אין 1905 ווערט די טרופּע פאַרוואָרפן קיין עסט-רייך, וואו די אַקטיאָרן האָבן געליטן גרויס נויט, און ב. קומט צוריק קיין רוסלאַנד. ער וואַנדערט דאַן איבער פאַרשיידענע טרו-פּעס שוין אַלס אַקטיאָר ביז אין 1907 קומט ער אָן קיין וואַרשע אין דער טרופּע קאָמפּאַנעיעץ-ראַפּעל אַלס געהילף-רעזשיסער און אַקטיאָר, פון דאָרט טרעט ער אריין אין זאַנדבערגס טרופּע אין לאָדזש, אין 1910 ווערט ער אנגאַזשירט אין ראַפּעל און עפּעל-בערגס טרופּע אין וואַרשע, שפּעטער שפּילט ער אין פאַרשיידענע יידישע טרופּעס אין רוסלאַנד, אין 1920-1 פאַרוואַלטעט ער אי-בער רוסלאַנד מיט יידישע פאָלקס-קאָנצערטן. אין 1922 ווערט ער פאַרוואַלטער פון זאַסלאַווסקים טרופּע, סוף 1925 קומט ער קיין אַרגענטינע, וואו ער שפּילט אין דאָרטיקן טעאַטער און פון דאָרט פאָרט ער אין מיטן 1926 קיין אַמעריקע אַלס פאַרוואַלטער פון די אַקטיאָרן זאַסלאַווסקי און אַפּעלבוים.

אין דער קריגס-צייט ווען עס איז אין רוסלאַנד געווען פאַר-ווערט צו שפּילן אויף יידיש, האָט ב. אויפגעפירט יידישע דראַמען און אָפּערעטן אויף רוסיש.

זייט 1928 פירט ער אָן א"נ ברעסט מיט אַ יידיש טעאַטער אין בוענאָס איירעס, וואוהין ער אנגאַזשירט פון צייט צו צייט אַמע-ריקאַנער יידישע גאַסטראָלערן.

ב. איז געווען אַ מיטגליד אין אַרגענטינער פאַרלאַגס-קאָמיטעט פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער".

ש. ע.

גאַזאָווסקי, מאַרקוס

[מענדעלע]

[געב. בערך 1874 — געשט. 10 אָקטאָבער 1926]

געב. בערך 1874 אין טשאַרנאָבאָל, אוקראַינע. פון דער פריסטער יוגנט געהאַט אַ נייגונג צו מוזיק. איז אַרומגעפאָרן מיטן קוואַרטעט פון די ברידער שוואַרץ.

אין עלטער פון 19 יאָר געקומען אין לאָנדאָן און דאָ געזונגען אין שול. דער מענעדזשער רובינשטיין נעמט אים אַריין צו זיך אין טרופע אַלס געזאַנגס-ראָליסט, און זייט דאַמאָלט שפילט ג. בערך 20 יאָר אין לאָנדאָן, פאָרט אויך קיין דרום-אַפריקע צוזאַמען מיט די וואַלערשטיינס, שפילט אין אַרגענטינע ביי מאָריס אַקסעלראָד און זייער אָפט אין פאַריז. זומער 1914 האָט ג. געשפילט אין יאַסי ביי אשכנזי. אין קריגס-צייט איז ג. אַלס נייטראַליזירטער ענגלענדער געווען אינטערנירט 2 יאָר אין דייטשלאַנד, און נאָכן צוריקקומען קיין ענגלאַנד טרעט ער דאָרט ווידער אַרויס אויף דער בינע. דעם 10 אָקטאָבער 1926 איז ג. נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט געשטאָרבן אין לאָנדאָן און געקומען צו זיין אייביקער רו אויפן איסטהעם-בית-עולם.

מ. ע. פון זיין פרוי.

גאָדיק, וולאַדיסלאַוו

געב. 1893 אין קיעוו, אוקראַאינע. פאָטער — אַ סוחר, וועלכער טראָגט זיך אַריבער קיין וואַרשע, וואו ג. ענדיקט די רעאַל-גימנאַזיע און צוויי סעמעסטערס אין וועטערינאַר-אינסטיטוט.

ג. טרעט אַריין אין דער דראַמאַטישער סעקציע פון „הזמיר", וואו ער שפילט צוזאַמען מיט מאַרק שוועיד און שרה פיביך, און אין 1911 הויבט ער אָן שפילן פראָפעסיאָנעל ביי גערשאַנאָוויטש אין וויטעבסק, אַרויסטרעטנדיק אַלס „ביינושל" אין „פינטעלע ייד". דערנאָך שפילט ער 3 יאָר ביי גוזיקן, און אין קריגס-צייט באַטייליקט ער זיך דאָרט אין די יידישע אָפערעטן אויף רוסיש. ג. טרעט דערנאָך אַריין אין דער רוסישער אָפערעטע פון קרוטשינין, וואו ער שפילט $1\frac{1}{2}$ יאָר, ווערט מאָביליזירט, און געפינענדיק זיך אין דייטשער געפאַנגענשאַפט, באַטייליקט ער זיך דאָרט פון צייט צו צייט אין דייטשע אָפערעטן-אויפפירונגען.

אין 1909 טרעט ג. אַריין אין ראַדאָם אין טשאַרנעצקיס פוילישער אָפערעטן-טרופע, און פירט אויף דאָרט אויף פויליש „שולמית", דערנאָך גרינדעט ער צוזאַמען מיטן פוילישן אַקטיאָר טאַדעאוש וואָלאָווסקי אַ פויליש רעווי-טעאַטער „מיראַזש". אַ האַלב יאָר שפעטער מאַכט ג. מיט אַ טורנעע מיט אסתר רחל קאַמינסקי און זיגמונט טורקאָוום טרופע, טרעט אַריין אין צענטראַל-טעאַטער, וואו ער באַטייליקט זיך 4 יאָר אין די דראַמען און קאָמעדיעס-אויפפירונגען, 1 יאָר אין ווילנע מיט מאַרעווסקי, ווערט אַ מיטגרינדער פון רעווי-טעאַטער „אזאַזעל", וואו ער טרעט אַרויס אַלס אַקטיאָר און קאָנפעראַנסיער, פאָרט אַרום מיט קאָנצערטן איבער פוילן און אויך איבער די באָד-ערטער פון מערב-אייראָפע און טרעט צוריק אַריין אין „אזאַזעל".

ג. האָט זיך אויך באַטייליקט אין פילם „תקיעת כף".

מ. ע.

גאָטלאָבער, אברהם-בער

[געב. 14 יאַנואַר 1811 — געשט. 12 אַפריל 1899]

געבוירן 14 יאַנואַר 1811 אין אַלט-קאָנסטאַנטין, וואו זיין פאָטער איז געווען חזן, נאמן און שטאָט-שרייבער. געלערנט אַ קורצע צייט אין חדר, דערנאָך ביי מלמדים און לערער אין דער היים און אונטער דער השגחה פון פאָטער. באַלד נאָך דער בר-מצוה חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אויף קעסט אין טשערניכאָוו ביים שווער, אַ ריזינער חסיד, אונטער וועמענס השפעה ג. איז אויך געוואָרן אַ חסיד, זיך פאַרנומען מיט קבלה און געזאָגט חסידות פאַר יונגעלייט. צוליב דער גזרה פון מיליטערדינסט אַנטלאָפן מיטן פאָטער קיין גאַליציע. דאָ האָט ג. אין טאַרנאָפאָל זיך באַקאַנט מיט יוסף פערל און אונטער זיין השפעה אָנגעהויבן זיך אָפגעבן מיט וועלטלעכער בילדונג און השכלה. צוריקגעקומען אין טשערניכאָוו, ווערט ער, אויף דער מסירה פון חסידים, אַז ער לייענט „טריף-פסול", געצוואונגען צו גטן זיין פרוי. ג.'ס קרובים מאַכן אים חתונה מיט אַ ישיבהניקס אַ טאָכטער, אָבער ער קאָן זיך מיט איר נישט איינלעבן און פאַרלאָזט זי.

אין באַר באַקענט זיך ג. מיט מענדעל ליעפינס ספרים אין העברעאיש און יידיש, און דאָס באַוועגט אים צו פרובן זיינע כחות אין שרייבן יידיש (בערך 1830). ער וואָגלט דערנאָך איבער פאַרשיידענע שטעט, באַקענט זיך מיט משכילים, זיצט אויף קאָנדיציעס אַלס מלמד און פאַרענדיקט דערביי זיינע אַ העברעאישע פיעסע אין 3 אַקטן „אמנון און תמר". גלייכצייטיק שטודירט ער פלייסיק דייטש און מאַכט זיינע ערשטע פרובן צו איבערזעצן שילערן אויף העברעאיש. חתונה געהאַט צום דריטן מאָל, באַזעצט זיך ג. אין דובנע, וואו עס גרופירן זיך אַרום אים די משכילים פון שטעטל. שפעטער, נישט האָבנדיק קיין מיטלען צום לעבן, פאַרלאָזט ער זיין פאַמיליע, פאָרט קיין זשיטאָמיר, וואו ער האַלט אויס אין 1851 דעם עקזאַמען אַלס לערער. אָפגעווען אַלס לערער אין קאַמענעץ-פאָדאָלסק, דערנאָך (1855) אין אַלט-קאָנסטאַנטין, ווערט ער אין 1865 באַשטימט אַלס לערער אין דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול.

צווישן זיינע תלמידים אין דערדאָזיקער ראַבינער-שול איז אויך געווען דער שפעטערדיקער גרינדער פון יידישן טעאַטער, אברהם גאָלדפאַדען. אין זיינע זכרונות שרייבט גאָטלאָבער וועגן גאָלדפאַדען: „צווישן מיינע תלמידים איז געווען אַ יינגל, גאָר אַ יונגער, אברהמעלע גאָלדפאַדען. דאָס יינגל האָט חוץ דער שולע ביי מיר צו הויזע פריוואַט געלערנט. איבערהויפט פלעגט ער זיך זייער צוקוקן ווי איך האָב געשריבן זשאַרגאָן: דאָס איז געווען גאָר זיין ליידנשאַפט. ציינד דאַרף איך אייך ניט דערציילן, איר ווייסט שוין ווער ער איז און וואָס ער האָט שוין אָנגעשריבן".

גאָטלאָבערס השפעה אויף גאָלדפאַדען איז נאָך בולטער פון פאָלגנדיקער באַמערקונג פון א. י. פאַפירנאַ (אין זיינע זכרונות, געדרוקט אין ווילנער „פנקס", ז. 188): „ביי גאָטלאָבערן איז גאָלדפאַדען אויך באַקאַנט געוואָרן מיט דעם יידישן ליד. אַ זון פון אַ חזן, האָט גאָטלאָבער געירשנט פון זיין פאָטער אַ גוטע שטים און אַ ליבע צו נגינה. ער פלעגט אַליין שאַפן די ניגונים צו זיינע לידער. דידאָזיקע לידער מיט די ניגונים האָט גאָלדפאַדען איבערגענומען. אין גאָטלאָבערס הויז האָט גאָלדפאַדען געלערנט שעצן

די יידישע שפּראַך און צו ליבן דאָס יידישע פאָלקסליד. גאָטלאָבערס יידישע לידער האָט ער געקענט אַלע אויף אויסווייניק און פלעגט ליב האָבן זיי צו זינגען. . . . אין ראַבינער-שולע, אין דער צייט פון רעקרעאַציע, פלעגט גאָלדפאַדען אָפט אָנציען אַ גאָטלאָבעריש לידל און די איבריקע שילער פלעגן אונטערהאַלטן".

עפּעס ענלעכעס שרייבט ש. ל. ציטראָן („דריי ליטעראַרישע דורות", צווייטער באַנד, זז. 14-15): „אין זשיטאָמיר פלעגן זיך ביי גאָטלאָבערן אין שטוב אָפט צונויפקומען די גרעסטע מנגנים פון שטאָט. עס פלעגן פאָרקומען ביי אים באַזונדערע געזאַנג-אָוונטן, אין וועלכע עס פלעגן אַרומגערעדט ווערן פאַרשיידענע ענינים פון מוזיק, אַלגעמיינער און יידישער. דיזאָזיקע אָוונטן האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דעם יונגן גאָלדפאַדען, וואָס האָט שוין דאַמאָלט אָנגעהויבן צו פאַרפאַסן זיינע נאָכדעם זייער פּאָפּולער-געוואָרענע לידער, צו וועלכע ער האָט אויך אַליין קאָמפּאָנירט מוזיק".

אַז גאָלדפאַדען אַנערקענט גאָטלאָבערן פאַר זיין רבין, זאָגט עדות יצחק ליבערסקאָ אין זיינע זכרונות („הינטערן פאָרהאַנג" פון זלמן זילבערצווייג): „ביניתים איז צו מיר געקומען אברהם בער גאָטלאָבער פון „מפיצי השכלה", אַז אַזוי ווי איך פאַרנעם זיך מיט כלל-זאַכן, באַזונדערס מיט ציישונגס-ענינים, זאָל איך זען אים צו שטיצן, וואָרום ער הויבט אָן אַרויסצוגעבן אַ בלאַט „הבקר אור". גאָטלאָבער איז דאַמאָלט געווען אַן עלטערער מענטש. ער האָט טאָקע ביי מיר אין שטוב געפייערט זיין 63-יאָריקן געבורטס-טאָג. [אַזוי ווי דאָס איז פאָרגעקומען אין 1876, איז ג. באמת דאַמאָלט אַלט געוואָרן 65 יאָר]. אָבער דאָך האָט ער נאָך געוואָלט לעבן פון אייגענער אַרבעט. איך בין אַרויס צוזאַמען מיט אים אין גאַס צו באַקאַנטע, געשאַפן אייניקע הונדערט פראַנק און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין בוקאַרעסט צו גאָלדפאַדענען. גאָטלאָבער פלעגט מיר דערציילן, אַז ער איז געווען גאָלדפאַדענס לערער אין דער ראַבינער-שול אין זשיטאָמיר און גאָלדפאַדען פלעגט אים רופן „רבי".

אונטערן רושם פון דר. עטינגערס קאָמעדיע „סערקעלע", וועלכע דער מחבר האָט אים פאָרגעלייענט בעת ג.'ס באַזוך אין זאַמאָשטש (בערך 1837) האָט ג. אין 1838 פאַרפאַסט אַ 3 אַקטיקע קאָמעדיע „דער דעקטוך אָדער צוויי חופות אין איין נאַכט".

וועגן עטינגערס השפּעה אויף אים דערציילט גאָטלאָבער אַליין אין זיינע זכרונות (שלום עליכםס „יודישע פאָלקסביבליאָטעק", 1, ז. 254): „דער דאָקטאָר עטינגער האָט מיך אָנגעאייפערט, צוגעגעבן חשק און איך האָב אָנגעהויבן שרייבן אין זשאַרגאָן. [ש. ניגער באַמערקט דערצו, אַז באמת האָט ג. נאָך פריער געשריבן יידיש און עס וואָלט דעריבער געווען ריכטיקער צו זאָגן „ פ אַ ר ־ ש ט אַ ר ק ט ד ע ם ח ש ק צ ו ש ר י י ב ן א י ן . . . "]. אין יאָר 1838 האָב איך געשריבן אַ קאָמעדיע אין דריי אַקטן „דאָס דעקטוך אָדער צוויי חופות אין איין נאַכט". שפּעטער האָט עס עמיצער אָפּגעדרוקט אין וואַרשאַ און האָט פאַרגעסן מיין נאָמען צו דערמאָנען, ער האָט נאָך געטאָן אַ חכמה און האָט צום אָנהייב געדרוקט: „נאָכדרוק פאַרבאָטן"".

דיזאָזיקע קאָמעדיע איז לאַנג אַרומגעגאַנגען אין כתב-יד, ביז זי איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ פאַרגרייזטער פאָרם אָן דעם מחברס וויסן און זיין נאָמען: „דער דעקטוך אָדער צוויי חופות אין איין נאַכט [,] אַ קאָמעדיע [,] אַרויס געגעבען פון יאָזעף װערבלײנסקיא [.] וואַרשאַ פערלאַג אונ אייגענטהום פון יהודה ליב מאָרגענשטערן בוכהאַנדלונג אין וואַרשא, שנת תרסג לפ"ק". [1876, 51 ז. 16°].

עס הייסט אַז דער טעקסט איז פיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן — אפילו מיט דער אַלטער דאַטע פון דרוק-יאָר.

ב. גאָרין כאַראַקטעריזירט ג.'ס קאָמעדיע אויף פאָלגנדיקן אופן:

„גאָטלאָבער איז אין זיין „דעקטוך" אַוועק אַ סך ווייטער [פון וואָלפסזאָהן]. ער האָט אין זיין קאָמעדיע אַריינגעשלעפּט אַ רב און אַ גוטן יידן און געוויזן, אַז דער רב איז אַן ערלעכער ייד נאָר אַ שוטה און דער גוטער ייד איז פּשוט אַ שווינדלער. די גאַנצע קאָמעדיע איז געבויט אויף דעם נאַרישן גלויבן אין לצנים [לצים], טייוואָלים און גוטע יידן.

פאַר גאָטלאָבערן איז געווען ווייניק צו קעמפן מיט אַ צבועק. ער האָט געזוכט צו אַטאַקירן דעם גאַנצן בנין פון חסידיזמוס און ער האָט דערפאַר אָנגענומען די הויפּטזיילן און אָנגעווענדעט זיין גאַנצע גבורה איינצווואַרפן זיי. ער האָט דערצו געברויכט אַלע מיטלען, אפילו שאַנסאָנעטקעס [„שאַנסאָנס"-קופּלעטן], וועלכע האָבן אין יענער צייט קיין שום זין ניט געהאַט, ווייל שאַנסאָנעטקעס זיינען געמיינט צום זינגען, און אין יענער צייט האָט אַ יידישער דראַמאַטורג אפילו ניט געחלומט צו זען זיינע אַ שטיק געשפּילט. [ש. ניגער באַמערקט, אַז אין דער געדרוקטער אויסגאַבע זיינען כלל נישטאָ קיין „שאַנסאָנעטקעס", אָננעמענדיק דעם פאַרגרייזטן אויסדרוק „שאַנסאָנעטקעס" אַנשטאָט „שאַנסאָנס", בעת פאַקטיש געפינען זיך אין טעקסט קופּלעטן (שאַנסאָנס)].

די פּערזאָנען פון דער קאָמעדיע זיינען געשילדערט מער אָדער ווייניקער מיט באַזונדערע פּנימער. זיי זיינען ניט סתם מענטשן, נאָר יעדער האָט לייכטער אָדער בולטער זיין אינדיווידואַליטעט. עזריאל דעם רענדאַרס משרת רעדט מיט אַ גראָבן דאָרפישן לשון, דער מורה הוראה רעדט ווי אַ תלמודיסט. פריידעלע איז צייטנ-וויז אַ סענטימענטאַלע מיידל און צייטנווייז שפּרינגט אין איר אַרויס די דאָרפס-מיידל. יאָסעלע איז אַ פריילעכער, לעבעדיקער בחור.

אין דער קאָמעדיע האָט גאָטלאָבער געוויזן, אַז ער האָט דאָס אויג צו באַמערקן וואָס אַרום אים טוט זיך און דעם אויער צו הערן וואָס אַרום אים ווערט גערעדט. כמעט אַלע זיינע פּאַרשוינען ריידן נישט נאָר מיט אַ מענטשלעכן לשון, נאָר זיי ברויכן די ריכטיקע ווערטער, וואָס זיי דאַרפן זאָגן. נאָר אין דער זעלבער צייט איז ער שטאַרק געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער דאַמאָלטיקער סענטימענטאַלער ליטעראַטור, און דאָס רופט זיך אָפּ אויף דער שילדערונג פון זיינע פּאָזיטיווע פּערזאָנען.

דער וויץ און דער הומאָר אין דער קאָמעדיע איז אַ גראָבלעכער. דער בעל-העגלה, ווען ער דערזעט דעם שליכמאַץ, שרייט אויס „שמאס ישראל". דער „שמאס" דאַרף כאַראַקטעריזירן דעם אַנשמייסער, דעם בעל העגלה. ווען דער בדחן באַזעצט דעם חתן און בלייבט שטיין אויף אַ רגע ביים וואָרט שמאַרצן ווייל ער קאָן אַזוי גרינג ניט געפינען קיין גראַם, זאָגט אים יאָסעלע אונטער אַזעלכן, וואָס לאָזט זיך ניט דרוקן. דער חתן לעמעל איז אַ פאָנפאַטש, דער רב איז אַ זאַאיקע. דאָס איז אַלץ אַ ביליקער קאָמיזם, נאָר דערפאַר איז ער זייער נאָנט און פאַרשטענדלעך דעם פּראָסטן פאָלק, און דאָס ווייזט, אַז גאָטלאָבער האָט מער ווי די אַנדערע דראַמאַטורגן פאַר אים געהאַט אַ חוש פאַר דער פּראַקטישער זייט פון אַ טעאַטער, אַ חוש, וואָס איז מער ווי אַלץ נויטיק געווען צו דערגרייכן יענעם פּראָסטן פּובליקום, פון וועלכן אַ סטאַבילער יידישער טעאַטער האָט געדאַרפט זיין אָפּהענגיג. עס איז קיין שום צווייפל ניט, אַז אונטער אַנדערע אומשטענדן וואָלט גאָטלאָבער געקאַנט ווערן דער גרינדער פון יידישן טעאַטער. ער האָט יענע מעלות, וואָס האָבן זיך מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אַזוי בריליאַנט אַרויסגעוויזן אין אברהם גאָלדפאַדען.

די שפּראַך אין דעם „דעקטוך" איז אַ ריינער יידיש און די פאַ-

זיטיווע פּערזאָנען, ווען אפילו זיי לאָזן זיך אַוועק אין מליצה, ריידן אויך דעם זעלביקן ריינעם יידיש".

דר. יעקב שאַצקי כאַראַקטעריזירט ג.׳ס שאַפן אַזוי: „זיין סאַטי־רישער טאַלאַנט איז ניט פון אַ הויכן שוואונג, אָבער דאָך העכער ווי די מיינסטע בדחנים־סאַטיריקער פון זיין צייט. ער שטעלט פאָר מיט זיינע יידישע ווערק אויך אַ געוויסן פאָלקלאָריסטישן און קול־טור־היסטאָרישן אינטערעס".

פּלטיאל זאַמאָשטשין האָט ג.׳ס העברעאישע פּאָעמע „חותם שדי", באַארבעט אויף יידיש אַלס „דער מעדאַליאָן, אָפּערעטע אין 1 אַקט און 2 בילדער (פריי באַארבייטעט נאָך דעם חותם שדי פון א. ב. גאָטלאָבער) פאַן פּלטיאל זאַמאָשטשין" [געדרוקט אין „דער פאָ־מיליען־פריינד", „הערויסגעגעבען פון מ. ספּעקטאָר, וואַרשא, 1887"].

ווי א. פרידקין און ז. רייזען גיבן אָן, האָט ג. אויך אָנגעשריבן אַ פּיעסע „די פאַרקערטע וועלט", וואָס איז צוזאַמען מיט נאָך כתבים פאַרלוירן געגאַנגען.

אברהם פישזאָן דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז בעת ער און גראַדנער מיט זיין פרוי האָבן געשפּילט אין ראָוונע, איז גאָטלאָבער געקומען צו זיי אין טעאַטער, און אַזוי ווי דאָס שפּילן איז אים געפעלן געוואָרן, האָט ער פאַר זיי פאָרגעלייענט צוויי קאָמעדיעס „איקס דריקס" און „צוויי פאָר פאָרצעלייענע טעלער", וועלכע ער האָט זיי געגעבן שפּילן. [איינאַקטערס מיט דידאַזיקע נעמען זיי־נען געשפּילט געוואָרן דורך די וואַנדערנדע בראָדערזינגער. צווישן גאָטלאָבערס מאַנוסקריפּטן געפינט זיך ניט קיין שום טעאַטער־שטיק. גאָלדפאַדען האָט שפּעטער פאַרפאַסט איינאַקטערס מיט ענלעכע נעמען].

דעם 12 אַפּריל 1899 איז ג. געשטאָרבן אין ביאַליסטאָק.

אין 1925 איז אין ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין דערשינען „אברהם־בער גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע" [380 ז. 16°], לויט פאַר־שיידענע קוועלן פון א. פרידקין. דאָס בוך האָט 2 טיילן. דער ערשטער טייל באַשטייט פון צונויפגעקליבענע מעמואַרן פון גאָט־לאָבער — פאַר דער צייט פון 1811 ביז 1850, און איז פאַרזען מיט הערות. דער צווייטער טייל (1851-1899) איז צונויפגעשטעלט לויט פאַרשיידענע מאַטעריאַלן.

אין 1927 איז אין ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין דערשינען „א. ב. גאָטלאָבערס יידישע ווערק" [266 ז. 16°], אַרויסגעגעבן פון א. פרידקין און ז. רייזען.

אין דאָזיקן בוך איז אויך אַריין ג.׳ס קאָמעדיע „דער דעקטוך אָדער צוויי חופּות אין איין נאַכט" [זז. 134-79].

אין „אַריינפיר" זאָגן די אַרויסגעבער: „ווי עס האָט אויסגע־זען דער אָריגינאַל פון דער פּיעסע — ווייסן מיר ניט, ווייל מיר האָבן אים ניט. . . . אומוואַנדערנדיק פון האַנט צו האַנט אין מאַנוסקריפּט, איז אַ פאַרגרייזטע קאָפּיע אַריינגעפאַלן צו איינעם, וואָס האָט זי אָפּגעדרוקט, פול מיט דרוקפעלערן, ניט אָפּהיטנדיק די אייגנטימלעכקייטן פון דרום־יידישן דיאַלעקט, אויסמישנדיק אים ערטערווייז מיט עלעמענטן און פאָרמען פון פּוילישן יידיש, און אַלס צוגאָב — אונטער אַ פרעמדן נאָמען. גאָטלאָבער האָט אפילו אין אַ צייט אַרום געמאַכט אַ גוואַלד, געדראָט דעם אַרויס־געבער מיט אַ פּראָצעס, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם געדרוקטן טעקסט און אָנגעבאָטן פאַרן פאַרלעגער אַן אַנדער טעקסט, אַ שטאַרק פאַרבעסערטן און איבערגעאַרבעטן, אָבער יענעם טעקסט קענען מיר ניט און מיר קאָנען בלויז משפּטן פון דעם אָפּגעדרוקטן עקזעמפּלאַר, וואָס מיר באַזיצן."

כאַראַקטעריזירנדיק די קאָמעדיע שרייבן די אַרויסגעבער: „נאָך אַ נייס האָט גאָטלאָבער אויפגעטאָן: ער האָט דער ערשטער אַריינ־געפירט געזאַנג אין דער פּיעסע, ער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער שעפער פון דער מאָדערנער יידישער מעלאָדראַמע, וואָס עס האָט נאָכדעם אַזוי גלענצנד אַנטוויקלט זיין תּלמיד אברהם גאָלדפאַדען, און אויך דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין חוש פאַר פאָלקסטימלעכ־קייט — צו באַלעבן זיין ווערק דורך אַ ניגון, אַ מעלאָדיע — אויף דעם גאַנג פון די אַלטע יידישע פאָלקשפּילן: „מכירת יוסף", „חכמת שלמה" א. א.

. . . מיט רעכט מעג מען זאָגן, אַז אויב גאָלדפאַדען איז געווען דער גרינדער פון יידישן טעאַטער, איז גאָטלאָבער געווען זיין סנדק".

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 451-7.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." I, זז. 98-97, 124-114.

א. ב. גאָטלאָבער — זכרונות. „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", רעד. שלום־עליכם, I, ז. 254.

א. פרידקין — „אברהם גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע", ווילנע, 1925.

אברהם פישזאָן — (זכרונות) „מאָ"זש", נ. י. 6 מערץ 1925.

א. פרידקין און ז. רייזען, „א. ב. גאָטלאָבערס יידישע ווערק", ווילנע, 1927.

דר. י. שאַצקי — אברהם־בער גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע, „פנקס", נ. י. 2-1, 1927.

דר. י. שאַצקי — א. ב. גאָטלאָבערס יידישע ווערק, „פנקס", נ. י. 3, 1928, ז. 284.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג", ווילנע, 1928, זז. 40-1.

גאָטליב, העלענאַ

געב. 1885 אין גראָדנע, פּויליש־ליטע, אין אַן אינטעליגענטער פאַמיליע, וועלכע טראָגט זיך באַלד אַריבער קיין וואַרשע, וואו ג. לערנט אין גימנאַזיע. אָנגערעדט דורך אַ חברטע — אַ יידישע אַקטריסע, פאַרבינדט זיך ג. מיטן יידישן טעאַטער, און רייסט צו־ליב דעם איבער אירע באַציאונגען מיט דער פאַמיליע. נאָכן שפּילן אייניקע סעזאָנען אין פּראָווינץ־טרופּעס, טרעט ג. אַריין אין עליזעאום און אין קאַמינסקיס טעאַטער, באַ־טייליקנדיק זיך אין אַלטן אָפּערעטן און דראַמאַטישן רעפּערטואַר. קריגס־צייט שפּילט ג. אייניקע יאָר אין רוסלאַנד, דערנאָך טרעט זי אַריין צוזאַמען מיט איר מאַן, א. סאַמבערג, אין וואַרשעווער צענט־ראַל־טעאַטער, איבערגייענדיק אין אַ נייעם, ריינעם רעפּער־טואַר, פון דאָרט ווערט זי אַנגאַזשירט אין דער „ווילנער טרופּע" מיט וועלכער זי איז פאַרבונדן ביז אָנהייב 1929.

אַמפּלואַ — מוטער־ראָליסטין.

מ. ע.

גאָטליב, לואיס סילאַ



געב. 3 מאַי 1874 אין ירושלים, ארץ־ישראל. אין דער פריער יוגנט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, און דאָ בשותפות מיט בערל בערנ־שטיין, קאַרפּ און לאַטיינער אויפגעבויט דאָס גרענד־טעאַטער אין ניו־יאָרק אַלס יידיש טעאַטער, וואו ג. איז געווען מענעדזשער.

ג. איז געווען אַ מיטגליד און קאַסירער אין דער אַקטיאָרן־יוניע, סעקשאָן 2 פון לאָקאַל 7, דערנאָך געעפנט, געמענעדזשט און מיטגע־שפּילט אין ערשטן יידישן טעאַטער אין האַר־לעם (אָרפעאום־טעאַטער אויף 125 סטריט).

גאָטליב, לעאָן

[לייבוש-אהרן]

געב. 18 דעצ. 1878 אין גראָדזיסק, פּוילן, אין אַ משפּחה, וואָס האָט געצויגן איר יחוס פון תוספות יום-טוב. זיידע — אָרטיקער רב. ביז 17 יאָר געלערנט אין פאַרשיידענע ישיבות, אויך ביים לאָדזשער רב מייזעל. זיך געגרייט צו סמיכה, געוואָרן אַ משכיל, דערנאָך אַ ציוניסט, און שפּעטער, אַלס שי-לער פון דער יידישער האַנטווערקער-שול אין וואַרשע, אַריין אין פּ.פּ.ס, און דאָרט אַרויס-געטראָטן אויף פּויליש מיט מאָנאָלאָגן פון אַרבעטער-לעבן. 1899 אַרעסטירט בעת אַ מאַי-דעמאָנסטראַציע, און געזעסן 6 וואָכן אין ציטאַדעל. 1900 אַוועק קיין לאָנדאָן, און דאָרט געווען מיטרעדאַקטאָר פון יידישן אָרגאַן פון פּ.פּ.ס. „דער אַרבייטער“, ווי אויך געשריבן און אַליין מיטבאַטייליקט זיך אין דער אויפפירונג פון איינאַקטערס אויף יידיש און פּויליש אין פּ.פּ.ס.'שן קלוב.

1901 וואַנדערט ג. אויס קיין אַמעריקע, וואו ער טרעט אַריין אַלס מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס“.

אין 1903 ווערט אין ווינדזאָר-טעאַטער א״ר פון פיינמאַן אויפ-געפירט ג.'ס איבערזעצונג פון גאַבריעלאַ זאַפּאָלסקאַס „מלכה שוואַר-צענקאָפּ“, און אין טאַליאַ-טעאַטער ג.'ס „דער נייער דור“, אָדער „דער געצוואונגענער שדוך“, אַ פרייע באַאַרבעטונג נאָך ווילהעלם פעלדמאַנס „דער בעל-מופת“, רעזשי און מוזיק פון מאָגולעסקאָ. (אויפן אַפיש: איבערזעצט פון לעאָן גאָטליב, באַאַרבעט דורך יעקב גאָרדין, וועלכער האָט צוגעשריבן צו דער פּיעסע אַ סצענע, און געענדערט די נעמען פון די העלדן).

אין 1904 ווערט אין ווינדזאָר-טעאַטער אויפגעפירט ג.'ס פרייע איבערזעצונג „גאָטס משפטים“ פון ווילהעלם פעלדמאַן.

אין 1911 איז דורכן פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק-קלאָב אויפגעפירט גע-וואָרן ג.'ס איבערזעצונג פון פּשיבישעווסקים „דער גאָלדענער פלוס“ א״נ „דער טאַנץ פון ליבע און טויט“. די פּיעסע איז דערנאָך אויפ-געפירט געוואָרן פון פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער דורך שוואַרצן צו זיין בענעפיס.

ג. האָט איבערזעצט פּשיבישעווסקים „מוטער“, האָט פאַרפאַסט אַ קאָמעדיע „די פריילעכע באָרדערס“ און אַ דראַמע „דעם רבינס טאָכטער“ פון וועלכער דער פּראָלאָג איז געווען געדרוקט אין מי-ניקעס יובילי-נומער 1920.

ג.'ס איבערזעצונגען: „די פאַמיליע פון אַ פאַרברעכער“ פון אָסט-ראָווסקי איז געשפּילט געוואָרן אויף דער פּראָווינץ, און „צוליב גליק“ פון פּשיבישעווסקי איז געשפּילט געוואָרן אויף דער פּראָ-ווינץ דורך קאַליש.

ג. האָט אויך פון צייט צו צייט געשריבן אין „פאָרווערטס“ אַרטיק-לען וועגן יידישן טעאַטער, און אַנאָנים די זכרונות פון מאָגולעסקאָ, לייזער צוקערמאַן און טאָמאַשעווסקי, וועלכע זיינען געווען גע-דרוקט אין „פאָרווערטס“.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I. זז. 2-461.

ב. גארין — „געש. איד. טעאַט.“ II. (רשימה פון פּיעסן).

גאָטליב, קלאַראַ

[גערשאַנאָוויטש]

געב. אין 1882 אין דעמעיעווקא, קיעוו, אוּ-קראַאינע, ביי פרומע עלטערן.

נאָך אַלס קינד פון 10 יאָר ווערט זי דורך איר שוועסטער, די אַקטריסע לאה קאָמפּאַ-נעיעץ, אַריינגעצויגן אין יידישן טעאַטער אַלס קינדער-ראָליסטקע.

מיט דער צייט אַנטוויקלט זי זיך צו אַ פּרימאַדאָנע, און אין דער צייט פון דער גאָר-דין-עפּאָכע גייט זי איבער צו דער דראַמע.

ג. האָט זיך באַטייליקט אין פיל טרופּעס אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע, און אין 1924 האָט זי אויסגעוואַנדערט איבער בעלגיע און פראַנקרייך קיין קובאַ, פון וואַנען זי איז אין 1926 אָנגעקומען אין קאַנאַדע, וואו זי שפּילט פון צייט צו צייט מיט איר פאַמיליע.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער-ראָלן.

ש. ע. פון ה. גערשאַנאָוויטש.

גאָטעספעלד, חנא

געב. 15 מאַי 1890 אין סקאַלאַ, ביים זברוטש, מזרח-גאַליציע. עלטערן — שניט-סוחרים. געלערנט אין חדר און אין בית-המדרש, דערנאָך אין טשערנאָוויצער גימנאַ-זיע, און זיך געגרייט צו מאַטורא אין ווין.

אין 1910 געקומען אין אַמעריקע. דאָ האָט ג. די ערשטע צייט געאַרבעט אַלס שיק-יונגל אין אַ שאַפּ ביי זיין פאַמיליע, דערנאָך גע-לערנט זיך זיין אַ קאַטער, געאַרבעט ביי אַ ציימונגס-סטענד אויף אַ סאָבוויי, שטודירט אין קאַלעדזש אויף פאַרמאַצעווט און לסוף געעפנט אַ קענדי-סטאָר צוזאַמען מיט עוזיאל פליישמאַן.

אין דער ליטעראַטור האָט ג. דעביוטירט מיט הומאָרעסקעס אין „קונדס“ א״פ „טוביה שמייכל“. דערנאָך פאָרט ער קיין קליוו-לאַנד, וואו ער טרעט אַריין אין רעדאַקציע „אידישע וועלט“, שפּעטער באַזעצט ער זיך אין פילאַדעלפיע, און אַרבעט אין דער דאָרטיקער „אידישע וועלט“. דאַן קומט ער אין ניו-יאָרק, טרעט אַריין אין „פאָרווערטס“ אַלס „טעלעפאָן-באָי“ און שפּעטער ווערט ער אַ רעדאַקציע-מיטגליד אין „פאָרווערטס“.

ג. שרייבט אָן צוזאַמען מיט אָשעראָוויטש די קאָמעדיע „יאָ פאַרהייראַט, ניט פאַרהייראַט“, וועלכע ווערט (מיט שילדקרויטן) אויפגעפירט אין ניו-יאָרק אין נאָוו. 1920.

אין 1922 פירט מען אויף אין קאָאָפּעראַטיוון ראָיאַל-טעאַטער אין ניו יאָרק (לאָבעל, באַראַץ, סאַמואילאָוו) זיין קאָמעדיע „רייכע קבצנים“, וועלכע ווערט שפּעטער א״נ „גאַליציאַנער מיליאָנערן“ [אין זלמן רייזענס „לעקסיקאָן“ איז די פּיעסע עפּ״ט פאַרצייכנט אויפן נאָמען פון ג.'ס ברודער, חיים] אויפגעפירט אין אוירווינג פּליים-טעאַטער.

דעם 21 אָקט. 1924 ווערט אין יידישן קונסט-טעאַטער אויפגע-פירט ג.'ס קאָמעדיע „ווען שטאַרבט ער?“ (גאָטעספעלד ח. (טוביה שמייכל) געוואַלד, ווען שטאַרבט ער? קאָמעדיע אין 3 אַקטן, 10 בילדער, ווילנע—וואַרשע, 1926, פאַרלאַג קלעצקין), וועלכע איז

באַלד דערויף אויפגעפירט געוואָרן אין וואַרשעווער צענטראַל-טעאַטער און דערנאָך אין אַנדערע שטעט פון פוילן און אין אַרגענטינע.

דעם 1 מערץ 1928 ווערט אין יידישן קונסט-טעאַטער אויפגעפירט זיין קאָמעדיע „אַמעריקאַנער חסידים", און דעם 2 סעפט. 1927 ווערט אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער געשפּילט זיין ליבערעטאָ „רייזעלע" (מוזיק — רומשינסקי, רעזשי — קאַליך). אַ וואַריאַנט פון זיין קאָמעדיע „פּרנסה", וועלכע ווערט דעם 13 דעצ. 1928 דורך „דער ווילנער טרופּע" אויפגעפירט אין אינטימעד-טעאַטער, בראָנקס.

דעם 3 דעצעמבער 1929 איז אין יידישן קונסט-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס „מלאכים אויף דער ערד", אַ הימל-ערד קאָמעדיע אין 7 סצענעס מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג (רעזשי — מאָריס שוואַרץ, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען — ברוך אַראָנסאָן, מוזיק — ג. טולער).

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, ז. 464.
אב. קאהאן — די קאָמישע זייט פון אַ טיפער דראַמע, „פאָרוו.", 30 נאָוו., 1920.
ישראל דער יענקי — „ווען שטאַרבט ער" אין קונסט טעאַטער, „יודטגבל", 31 אָקט., 1924.
נ. בוכוואַלד — גאָטעספילד'ס קאָמעדיע אין אידישען קונסט טעאַטר, „פריהייט", נ. י., 24 אָקטאָבער 1924.
דר. א. מוקדוני — אַ שפּיל פון ליאַלקעס, „מאָ"זש", 31 אָקט., 1924.
אב. קאַהאַן — „אַז לאַכען זאָל זיין געלאַכט" — אין שוואַרץ'ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 24 אָקט. 1924.
ב. י. גאָלדשטיין — צוויי קאָמעדיעס, „דער טאָג", 7 מערץ 1924.
ל. ק—ר, [רעצענזיע] „אונ"בוך", 4, 1926.
מיכאל וויכערט — „טעאַטער און דראַמע", II, זז. 141-4.
אב. קאהאן — גאָטעספעלד'ס „אַמעריקאַנער חסידים" אין מאָריס שוואַרקס טעאַטער, „פאָרוו.", 15 מערץ, 1928.
ז. קאָרנבליטה — „די דראַמאַטישע קונסט", ניו-יאָרק, 1928, זז. 158-63.
דר. א. מוקדוני — קאָמעדיע „דראַמע" אין מאַריאָנעטען-שפּיל, „מאָ"זש" 7 מערץ 1928.
דר. א. מוקדוני — ווען דער פאָרהאַנג פאַלט, „מא"זש", 24 אַפּריל, 1929.
אב. קאַהאַן — אַ נייע קאָמעדיע פון גאָטעספעלד, „מלאכים אויף דער ערד", „פאָרווערטס", 13 דעצעמבער 1929.
וויליאַם עדלין — „מלאכים אויף דער ערד" אין קונסט טעאַטער, „דער טאָג", נ. י., 13 דעצ. 1929.
ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פרייע אַרבייטער שטימע", נ. י. 20 דעצעמבער 1929.
א. לעס — אַרום טעאַטער, „די וואָך", נ. י. 13, 1929.
א. פרומקין — „מלאכים אויף דער ערד" אין אידישען קונסט טעאַטער, „ברוקלינער אידישע שטימע", 25, 1929.

גאָטער, פריעדריך ווילהעלם

צווישן די אַלטע געדרוקטע פּורים-שפּילן רעכנט ב. גאָרין אויך אַריין אין זיין „געשיכטע פון אידישען טעאַטער" די פּיעסע „די שטאָלצע ושתי", „איין קאָמישעס שווישפּיעל אין ריימען פון ג—ר (פריעדריך ווילהעלם גאָטער), ברעסלוי, 1797 (?)".

גאָטער איז געווען אַ ניט-יידישער שריפטשטעלער, און זיין שווישפּיל איז געשריבן אין דייטש, ניט אין יידיש, גאָרין טעות באַזירט אויף דעם, וואָס אין אָנהויב פון אהרן האַללע וואָלפסזאָהן קאָמעדיע „לייכטזין אונד פרעממעלייא" (ברעסלוי 1796) איז מיטגעדרוקט גאָטערס קאָמעדיע „די שטאָלצע ושתי" אויף דייטש, טראַנסקריבירט אין יידישע אותיות. אין דער צווייטער אויסגאַבע פון וואָלפסזאָהנס קאָמעדיע (אַמסטערדאַם 1798) איז שוין גאָטערס קאָמעדיע מער ניט אַריינגענומען.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." I, זז. 57-8.
זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט" I, ז. 907.

גאָטפריד, אברהם-יצחק

געב. אין 1877 אין וואַרשע, פוילן. פאָטער — אַ קליין-הענדלער. ג.'ס עלטערער ברודער האָט געשפּילט מיט גאָלדפאַדענען אין 1887-8, אין דער זעלבער צייט האָט ג. צוזאַמען מיט די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן אַדאָלף בערמאַן און ברידער פיינשטיין געזונגען אין אַ קינדער-כאָר. אין 1889 שפּילט ג. מיט טיטעלמאַנען אין וואָלף ליטוואַקס גאָרטן אין וואַרשע, און ווען מען פאַרווערט צו שפּילן יידיש טעאַטער, טרעט ג. אַריין אין אַ קליין-רוסישן כאָר.

שפּעטער האָט ג. געשפּילט דעם אַלטן און נייעם רעפּערטואַר אין די פאַרשיידנסטע יידישע טרופּעס איבער גאַנץ רוסלאַנד און פוילן.

ש. ע.

גאָטפריד, איידל

[ערליך]

געב. אין 1881 אין וואַרשע, פוילן. עלטערן — אַרבעטער. נאָכדעם ווי זי האָט אין 1906 חתונה מיטן אַקטיאָר גאָטפריד, טרעט זי אַריין אין כאָר פון יידישן טעאַטער וואַרשעווער. דען ד'היוואַר, און שפּעטער הויבט זי אָן שפּילן אין עליזאַום-טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון עפּעלבערג און ראַפּעל. זייט דאַמאָלט מאַכט זי מיט דעם זעלבן מאַרשרוט וואָס איר מאַן.

ש. ע.

גאָלאָוושינער, וויקטאָר

געבוירן 28 יוני 1905 אין מינסק, ווייסרוסלאַנד, פאָטער — אַ העברעאישער לערער, מוטער — אַ מוזיק-לערערין.

געענדיקט 5 קלאַסן גימנאַזיע און דעם ווייסרוסלענדישן אינסטיטוט פון טעאַטראַלער קונסט אין מאָסקווע.

נאָך אַלס שילער פון 13 יאָר האָט זיך ג. באַטייליקט אין די שול- און קלוב-פאָרשטעלונגען אין רוסיש און ווייסרוסיש.

אין 1922 אַריינגעטראָטן אין דער יידישער סטודיע פון ווייסרוסלאַנד, אין 1926 געקומען מיט דער סטודיע אין מינסק, און אַריין אַלס אַקטיאָר און רעזשיסער אין „ווימט".

ג. האָט פאַרפאַסט אייניקע פּיעסן, פון וועלכע די פּיעסע „צווישן דורות" איז אויפגעפירט געוואָרן דורכן „ווימט". ער האָט אויך געשריבן „די געשיכטע פון ווימט" פאַרן יאָרבוך „יידיש טעאַטער".

ש. ע.

גאָלד, גינאַ

[סטעפאַ גינגאָלד]

געב. 17 מאַי 1909 אין וואַרשע, פּוילן. עלטערן — סוחרים. געענדיקט אַ העברעאַישע גימנאַזיע. אין 1926 אָנגעקומען אַלס כאָריסטקע אין וואַרשעווער סקאַלאַ-טעאַטער, אין 1927 אַריינגעטראָטן אַלס סאָליסטקע אין „אַזאַזעל" און אין 1928 געשפּילט אין יידישן טעאַטער אין לעמבערג.

אַמפּלואַ — סובּרעטין.

ש. ע.

גאָלד, הערמאַן

[הלל גורני]

געבוירן 1888 אין בּרעסט-ליטאָווסק, פּויליש-ליטע. ביז 12 יאָר געלערנט אין דער היים, דערנאָך אין פּינסקער ישיבה. צו 14 יאָר אָנגעהויבן זיך אָפּגעבן מיט ליטעראַטור, דערנאָך געאַרבּעט אין פ״ג „תושיה". אין 1905 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער אַרבּעט די ערשטע צייט אין שאַפּס, דערנאָך געוואָרן אַ בּוכהענדלער. 1907 — דעבּיוטירט אין „צוקונפט" און זייט דאַמאָלט זיך באַטייליקט אין אַנדערע אויסגאַבּן. ג. האָט אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע ביכער.

אין זמ״ב „1925" האָט ג. אָפּגעדרוקט זיין פּיעסע „אַ קאָמעדיע אין פאַרבּן", אין „אונדזער בּוך", יולי-אויגוסט 1926 — „שבת קודש אין אַמעריקע" אַ אָפּערעטע-פּאָעמע אין 4 אַקטן, און אין זיין בּוך „מעשה'לאַך" (ניו-יאָרק 1928) — 3 קינדער-פּיעסן: „טעלערל פון הימל", „דער טערק פון ירושלים" און „וואָס טוט מען מיט אַ פייגעלע ?".

מ. ע.

ז. רייזען — לעקס. ייד. ליט." I, זז. 2-470.

גאָלד, לייבּוש

[געב. ...186 — געשט. 26 פעב. 1922]

געב. ...186 אין פּיעטראָקאָוו, פּוילן. זייער יונג אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן, דאָ נעמט אים אַריין מאַקס ראָזענטאַל (אַלס לאַנדסמאַן) אין כאָר פון יידישן טעאַטער, און אין משך פון אַ קורצער צייט ווערט ג. אַן אַקטיאָר. אין 1886 שפּילט ג. אין פּרינסעס-קלאָבּ צוזאַמען מיט אַדלער, גראַדנער און פרוי, ליפּצין, רודאָלף מאַרקס, קאַצמאַן און פרוי, מאַקס ראָזענטאַל, אננאַ העלד, דיינאַ שטעטין (שפּעטער פיינמאַן), מאַנע און פרוי, בּוים, שראַגע און פייוועלע פרידמאַן, און ווען אַדלער פאָרט אין 1887, נאָך דער קאַטאַסטראָפע אין דאָזיקן טעאַטער, קיין אַמעריקע, געפינט זיך ג. אין זיין טרופּע.

דאָ צייכנט זיך אויס ג. אַלס קאָמיקער און טענצער, ווערט לייכט אַריינגענומען אין די עקסיסטירנדיקע יידישע טעאַטערס און איז שפּעטער איינער פון די גרינדער פון דער דאַמאָלטדיקער אַקטיאָרן-יוניע.

17 יאָר שפּילט ג. צוזאַמען מיט טאָמאַשעווסקין, און פאַרנעמט די גאַנצע צייט אַן אָנגעזען אָרט אַלס כאַראַקטער-ראָליסט און קאָמיקער. ג.'ס בעסטע ראָל איז געווען „פּיטשע שמש" אין זאַלאַטאַרעווסקיס „ישיבה-בחור".

דעם 26 פעברואַר 1922 איז ג. געשטאָרבּן אין ניו-יאָרק.

מ. ע. פון מאַקס ראָזענטאַל און דיינע פיינמאַן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." II. זז. 49, 51, 60.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבּענס געשיכטע", ז. 157.

גאָלד, לעאָן

[לייבּעלע גאָלדוואָג]

געב. 1 יאַנ. 1900 אין בּעלץ, בּעסאַראַביע. פאָטער — אַ קרעמער. געלערנט ביז 9 יאָר אין חדר, אין דער רוסישער שטאָטישער שול און בּיי פּריוואַטע לערער.

נאָך אין חדר „געמאַכט זיך נאַריש" מיט די קינדער. צו 12 יאָר אָנגעשריבּן אַ פּיעסע „יתום", שפּעטער נאָך אייניקע פּיעסן, וועלכע ער פירט אויף מיט „ליבּהאָבּער" און חלומט צו ווערן אַן אַקטיאָר. אין 1917 ווערט ג. אַנגאַזשירט צו קיציסן פאַר דער פּראָווינץ. נאָכן אַרומוואַנדערן אַ שטיקל צייט איבּער די קליינע שטעטלעך ווערט ג. אַריבּערגענומען צום דירעקטאָר לערמאַן, מיט וועלכן ער וואַנדערט ווידער איבּער די קליינע שטעטלעך, דערנאָך אין פאַרשיידענע אַנדערע טרופּעס ביז אין 1919 ווערט ער אַ מיטגליד אין יידישן טעאַטער, וואָס די ראַטנמאַכט גרינדעט אין זשיטאָמיר. ג. דינט דערנאָך 2 יאָר אין דער רויטער אַרמיי אויפן פראָנט, און איז גלייכצייטיק פאַרוואַלטער פון דער טעאַטער-אָפּטיילונג בּיי דער אַרמיי.

1922 וואַנדערט ג. אויס קיין אויסלאַנד, שפּילט אַ וואָך אין אַנטווערפּן, דערנאָך אַ סעזאָן, שוין א״נ לעאָן גאָלד, אין אַ קאָלעקטיוו אין פּאַריז און 1923—ביים דיר. בּלומענטאַל אין פּאַריז. 1924 געקומען אין שיקאַגאָ צו זיין מוטער, געשפּילט אייניקע פאָרשטעלונגען בּיי גליקמאַן, 1925 געשפּילט אין מאָנטרעאַל, 1926 אין בּאַלטימאָר, 1927 אין בּראָנזווילער האָפּקינסאָן-טעאַטער און אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער יוניע. 1928 — געשפּילט אין שיקאַגאָ בּיי גליקמאַן, 1929 — אין ניו-יאָרקער פּאָבּליק טעאַטער בּיי לואיס גאָלדבּערג און 1929-30 — אין זאַמס פאָלקס-טעאַטער.

אַמפּלואַ — געזאַנגס-ליבּהאָבּער.

ש. ע.

יעקב קירשענבּוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער בּיהנע, „מאָ״זש", 12 אָקט. 1928.

גאָלד, ניוסיאַ

[גיסי גאָלדבּערג]

געב. 3 מערץ 1909 אין וואַרשע, פּוילן. עלטערן — סוחרים, וועלכע טראָגן זיך שפּעטער איבּער קיין רוסלאַנד. צוליבּ דעם וואָס איר בּרודער, פּעטער אַמאַטין, איז געווען אַ יידישער אַקטיאָר, האָט ג. געהאַט די געלעגנהייט צו זיין נאָענט צום טעאַטער, און נאָך אַלס קינד געשפּילט קינדער-ראָלן בּיי ראַפּעלן אין טעאַטער בּאָלגאַראָוו, און פלעגט בּיי זיך אין דער היים איינאָרדנען קינדער-פאָרשטעלונגען. ווען די פאַמיליע וואַנדערט אויס קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, שפּילט ג. אויך דאָרט קינדער-ראָלן.

דאָ לערנט זי אויך אין שול און מוזיק ביים טעאַטער-דירינענט גרוש-
קאָווסקי-גרושקאָוו. דערנאָך פאָרט זי מיטן ברודער קיין רומעניע,
און הויבט דאָרט אָן שפּילן דערוואַקסענע ראָלן אין איר ברודערס
טרופּע, שפּעטער אין אַ חברים-טרופּע מיט יעקב זילבערט אַלס
גאַסטראָלער, דערנאָך איבער דער פּראָווינץ און זומער 1924 ביי
עטינגערן און ווידער מיט פאַרשיידענע וואַנדער-טרופּעס, אין 1927
ביי רייש אין טשערנאָוויץ און דערנאָך ביי איציקל גאָלדענבערג,
האָבנדיק די געלעגנהייט צו שפּילן מיט בּאַראַטאָוון.

ש. ע.

גאָלד, סטעלאַ

[טאָלצע שטאָלצענגאָלד]

געבוירן אין וואַרשע, פּוילן. פאָ-
טער — משגיח אין קהלשן קינדער-שפּיטאָל.
מוטער — קראַנקן-וועכטערין אין זעלבן
שפּיטאָל. געלערנט אין דער פּוילישער
אָכראַנקע און נאָכמיטאָג אין חדר. אין 1904
ווערט ג. אַ מיטגליד אין „קליינעם בונד",
און באַטייליקט זיך, שפּעטער אַלס „די מאַמע"
אין דער פאַרשטעלונג פון „אוריאל אַקאָסטאַ"
(רעזשי יוליוס אַסקאַר) פאַר די קעשעניעווער
פּאָגראָמירטע. אין זעלבן יאָר ווערט ג.
אַרעסטירט בעת אַ פאַרזאַמלונג, מען גנבעט זי אָבער אַרויס פון די
פּאָליציייִשע הענט און מען פירט זי אַריבער קיין גאַליציע, פון
וואַנען איר ברודער נעמט זי אין 1906 קיין אַמעריקע.

דאָ טרעט ג. אַריין אין אַ שירם-שאָפּ, און אין די אָוונטן באַטיי-
ליקט זי זיך במשך פון 2 יאָר אין די אויפפירונגען, פריער פון
„וואַרשעווער פּראָגרעסיוו-דראַמאַטיק-קלאַב", און שפּעטער אין
„פּראָגרעסיוו-דראַמאַטיק-קלאַב".

בעת דער אַנטשטייאונג פון די וואַריעטעס, טרעט ג. אַריין שוין
פּראָפעסיאָנעל אין „גאָלדן-רול" (מענ. סוזמאַן), וואו זי שפּילט
3 חדשים, דערנאָך 6 חדשים אין טאַליאַ-מיוזיק האָל (מענעדזשער
קאַפּעלמאַן), באַטייליקט זיך אין שטרייק קעגן די שטרייקברעכער
אין בראַנזוויילער מעטראָפּאָליטאַן און סינגער האָל און שפּילט
דערנאָך דאָרט אַ סעזאָן. שפּעטער ביי יעקב זילבערט אין לייסעאום-
טעאַטער, און מיט זילבערטס טרופּע אין מאָנטרעאַל און לאָס
אַנדזשעלאָס, 7 סעזאָנען מיט הפסקות אין ליריק-טעאַטער, דורך
דער צייט אויך אין טאָראָנטאָ ביי ליטמאַן און משה שאָר, דאַן אין
אַ קאָאָפּעראַטיווער טרופּע אין קליוולאַנד און אַ סעזאָן מיט אסתּר
וואַלערשטיין, אַ סעזאָן אין באַלטימאָר ביי משה שאָר, אין אַ קאָ-
אָפּעראַטיווער טרופּע אין מאָנטרעאַל, אין קליוולאַנד, אין 1928-9
אין נוארק און 1929-30 — אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן.

מ. ע.

גאָלד, צילע

[צביה גרופּט]

[געב. בערך 1878 — געשט. 1916]

געב. בערך 1878 אין לעמבערג. אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע,
און חתונה געהאַט מיט לייבוש גאָלד מיט וועלכן זי האָט געשפּילט
צוזאַמען. אין 1916 איז ג. פּלוצלונג בעת אַ פאַרשטעלונג געשטאָרבן
אין ניו-יאָרק.

מ. ע. פון קלאַראַ גאָלד.

גאָלד, קלאַראַ

[בלאַנק]

געב. 1888 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. פאָ-
טער — אַ שטובנמאָלער, וועלכער פאָרט
באַלד נאָך איר געבורט צוריק מיט דער גאַנ-
צער פאַמיליע קיין לעמבערג, וואו ג. לערנט
אין אַ שול. אין עלטער פון 13 יאָר קומט
ג. צוריק מיט דער פאַמיליע אין אַמעריקע.
דורך איר קוזינע צילע גאָלד ווערט זי אַריינ-
גענומען אַלס כאָריסטקע אין ווינדזאָר-טעאַ-
טער, וואו זי איז עטלעכע יאָר, דערנאָך
שפּילט זי איינציקע יאָר אין די פאַרשיידענע
וואַריעטעס פון ניו-יאָרק ביז זי ווערט אַ מיטגליד אין דער יוניע,
און שפּילט אַ סעזאָן ביי הערשל צוקערבערג אין נוּ-אַרק, 2 סע-
זאָנען אין ליבערטי-טעאַטער ביי יוליוס אַדלער און סיעראַצקי, צו
איינצעלנע סעזאָנען אין פּראָספּעקט (טש. גראָל און אייבי אַד-
לער), ליריק (אַ. ליליען), 2 סעזאָנען אין פילאַדעלפיע ביי הערשל
צוקערבערג, צו איינצלנע סעזאָנען אין ליבערטי (אַנשעל שאָר)
און האָפּקינסאָן (לואי וויים) און 1929 אין ליבערטי-טעאַטער.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער-ראָלן.

מ. ע.

גאָלדבלאַט, מוישע

[משה גאָלדענבלאַט — בן-עמי]

געבוירן 16 דעצעמבער 1896 אין הערצאַ,
רומעניע. דער זיידע געווען אַ בדחן, אַ בעל-
תפילה, אַ שדכן און צום סוף אַ שמש. פאָ-
טער — אַ באַזיצער פון אַ קרעמל.

געלערנט אין אַ חדר, געענדיקט 2 קלאַסן
אין אַ רומענישער פּרימאַר-שול, איבער אַ יאָר
געלערנט אין אַ מאָדערניזירטער יידישער שול
און דערנאָך זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטביל-
דונג.

אין עלטער פון 12 יאָר געוואָרן זעלבסט-
שטענדיק, און געדינט אַלס משרת אין אַ מאַנופאַקטור-געשעפט, גע-
ווען אַן אַגענט צו פאַרשפּרייטן צייטונגען, אַ שרייבער אין אַ
קאָנטאָר, אַ מעקלער אויף דער בירזשע, אַ לערער, אַ בלומענפאַר-
קויפער, אַ טרעגער, אַ פּאַפּיראָסניק אַ. אַ. וו.

אין עלטער פון 16-17 יאָר מיטגעשפּילט אין דראַמאַטישע קרייזן,
וואו ער איז אויך דער רעזשיסער און מחבר. אין 1915 געשפּילט
אַ קורצע צייט רומעניש אין אַ פּראָפעסיאָנעלער רומענישער טרופּע
אין גאַלאַץ, געדינט אין דער אַרמיי, און אין סעפּטעמבער 1917
אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, וואו ער האָט געשפּילט מיט „ליבהאָבער".
אין יוני 1918 אַריינגעטראָטן אַלס פּראָפעסיאָנאַליסט אין בידעס-
קאָס טרופּע אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק א"פּ „בן-עמי". נאָכן וואַנדערן
ביז 1920 איבער רוסלאַנד מיט פאַרשיידענע טרופּעס, טרעט ג. אַריין
אין אָדעסער יידישן מלוכה-טעאַטער א"ר פון בערטאָנאָוו, און נאָכ-
דעם ווי דאָס טעאַטער פאַרמאַכט זיך, שפּילט ער איינציקע חדשים
אין אַ טרופּע אין האָמעל, דערנאָך אַ לענגערע צייט אין ווייסרוס-
לענדיש-יידישן מלוכה-טעאַטער אין מינסק א"פּ פון בערטאָנאָוו.
אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע, באַטייליקט זיך ג. אין דאָרטיקן שלום-
עליכם-טעאַטער און נאָכדעם ווי דאָס טעאַטער פאַרמאַכט זיך, טרעט

ער אריין אַלס סטודיאַנט אין דער טעאַטער-שול ביים מאָסקווער יידישן קאַמער-טעאַטער, באַטייליקט זיך אַ חודש שפּעטער אין די מאַסן-סצענען פון דער „כשופמאַכערין", און אין מערץ 1923 ווען דער אַקטיאָר שטיימאַן ווערט קראַנק, פאַרטרעט אים ג. אין דער ראָל „מאַרקוס" אין גאָלדפאַדענס „כשופמאַכערין". פון דאַמאָלט אָן שפּילט ער אַלס מיטגליד אין מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער, מיטמאַכנדיק אויך דעם טורנעע איבער אייראָפּע.

ג. איז געווען רעזשיסער אין פּראָווינציעלע וואַנדער-טרופּעס, דערנאָך אָנגעפירט אַ דראַמאַטישן קרייז אין מאָסקווער מערב-אוניווערסיטעט און איז איצט רעזשיסער-לאַבאָראַנט ביים רוסישן רעזשיסער קאַווערין.

ג. האָט זיך באַטייליקט אַלס „זלמן" אין פילם פון שלום-עליכםס „יידישע גליקן" (רעזשי ר. גראַנאָווסקי).

ג. האָט איבערזעצט אייניקע פּיעסן פון רוסיש און רומעניש, און זיין איבערזעצונג פון דימאָווס „זינגער פון זיינע ליידן" איז א"ר פון בערטאַנאָוו אויפגעפירט געוואָרן אין 1921 אין מינסק.

ש. ע.

גאָלדבערג, אברהם

געבוירן 18 אָקטאָבער 1881 אין בריסק, פּויליש-ליטע. פאָטער — העברעאישער לערער. צוערשט געלערנט ביים פאָטער, דערנאָך אין תלמוד-תורה, אַ יאָר פאַרבראַכט אין קיבוץ פון די פּרושים אין מאַלטש, שפּעטער געווען אַ געוויסע צייט עקסטערן אין אָדעס. זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין „הצפירה" און „המליץ" און זייט 1905 איבערגעגאַנגען צו דער זשורנאַליסטיק אויף יידיש.

ג. האָט איבערזעצט אָסיף דימאָווס „שמע ישראל" [„שמע ישראלן", אַ דראַמע אין 3 אַקטען, איבערזעצט פון A. G., 28 ז. 16°].

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 477-8.

גאָלדבערג, דינה

געב. 4 אויגוסט 1908 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. פאָטער — אַ סוחר. געענדיקט פּאַבליק-סקול און געלערנט 3 סעמעסטערס אין האַי-סקול. באַטייליקט זיך אין די הויפּט-ראָלן פון די שול-פאַרשטעלונגען. בעת אַ בענעפיס-פאַרשטעלונג, וואָס אירע קרובים אָרדענען איין, האָט זי אין עלטער פון 9 יאָר די געלעגנהייט צו זינגען אייניקע לידלעך אין לענאָקס טעאַטער. די דירעקטאָרן פון טעאַטער: דזשייקאָבס און גאָלדבערג, הערן זי, און נעמען זי אַריין אין טרופּע אַלס קינדער-ראָליסטין. די פּיעסן-שרייבער סיגעל און ליליען שרייבן אין זייערע פּיעסן ספּעציעלע קינדער-ראָלן פאַר איר. אַלס דערוואַקסענע שפּילט ג. צו סעזאָנען אין באַלטימאָרער פּאַלי-טעאַטער, אין מאָנטרעאַל ביי האָלענדער, אין טאָראָנטאָ ביי האָלענדער, אין באָסטאָן ביי האָלענדער, 1928-9 אין פילאַדעלפיער אַרטש-סטריט-טעאַטער און 1929-30 — אין זאַזם פּאָלקס-טעאַטער אין ניו-יאָרק.

אַמפּלואַ — סובּרעטין.

מ. ע.

גאָלדבערג, הערשל

אַן אָדעסער, אַ לידערזינגער. געווען אַן אויסגעצייכנטער זינגער, אָבער אַ שוואַכער שוישפּילער.

מ. ע. פון מישע נאַכאַמקוס.

גאָלדבערג, יעקב

געב. 16 סעפּט. 1881 אין יאַסי, רומעניע. עלטערן — סוחרים. באַקומען אַ עכט יידישע דערציאונג, געלערנט 2 יאָר אין ישיבה אין מאַרמאַראָש סיגעט.

אין 1898 געקומען אין אַמעריקע. דאָ געאַרבעט אַלס אַנגעשטעלטער אין אַ סטאָר, און געווען סופלער אין אַ דראַמאַטישן קלאַב, דערנאָך געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער סופלער.

ש. ע.

גאָלדבערג, לואי

געב. 4 יולי 1884 אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק, וואָלין. פאָטער — אַ פּאַדריאַדטשיק. געלערנט אין חדר, און ביי פּריוואַטע לערער — העברעאיש, דייטש און רוסיש, שפּעטער געלערנט אין דער שטאַטישער רוסישער שול.

אין 1895 געקומען צוזאַמען מיט די עלטערן אין אַמעריקע, דאָ באַזוכט אַן אָוונט-שול און אָנגעהויבן אַרבעטן ביי זיין פאָטער אין שאַפּ. צוליב זיין ווילן צו זיין נאָענט צום יידישן טעאַטער ווערט ער אין 1898 אַ פּעדלער אין ווינדזאָר-טעאַטער, ניו יאָרק, און פאַרקויפט דאָרט אין משך פון 7 יאָר צוקערוואַרג.

אין 1905 באַקומט ער אין פּיפּל-טעאַטער אַ פּאָסטן אַלס פּובליסיטי-מענעדזשער און אין 1906 ווערט ער מענעדזשער איבער בענעפיסן און בילעטן פאַר וואוילטעטיקע צוועקן.

אין 1908 ווערט ער געהילף-מענעדזשער אין פּיפּל-טעאַטער ביי טאָמאַשעווסקין, וואו ער בלייבט 3 יאָר.

אין 1911 גרינדעט ער צום ערשטן מאָל אַ יידיש טעאַטער (לענאָקס טעאַטער) אין האַרלעם, ניו-יאָרק, אין וועלכן ס'שליסן זיך שפּעטער אָן בלאַנק און סעמיועל ראָזענשטיין. דאָס טעאַטער האָט קוים עקסיסטירט אַ יאָר.

אין 1913 ווערט ער דורך טאָמאַשעווסקין אַנגאַזשירט אַלס הויפּט-מענעדזשער אין נעשאַנאַל-טעאַטער, וואו ער אַרבעט 9 יאָר און באַוויזט אין 1915 צו ווערן מיטבאַזיצער צום ליס אויפן טעאַטער.

אין 1922 צאָלט ער מיט סאַקסן אַרויס טאָמאַשעווסקין פון שותפות, און בלייבט (מיט סאַקסן) ביז סוף מאַי 1926 דירעקטאָר. דעם סעזאָן 1926 פירט ער צוזאַמען מיט נ. שולמאַן די דירעקציע איבערן ליבערטי-טעאַטער אין בראָנזוויל. סוף יאַנואַר 1927 עפנט ער צוזאַמען מיט נ. שולמאַן אויף דער צווייטער עוועניו, 4 סטריט, אין ניו-יאָרק דאָס פּאַבליק-טעאַטער און 1929-30 איז ער מענעדזשער פון זעלבן טעאַטער, וועלכער טראָגט שוין דעם נאָמען נעבילס פּאַבליק-טעאַטער.

מ. ע.

„חנוכת-הבית פון שולמאַן-גאָלדבערג פּאַבליק טעאַטער", נ. י., 1927.

גאָלדבערג, לואיס

[לייבוש]

געב. 5 אַפּריל 1887 אין קאָלבושאָוו, גאַליציע, אין אַ פֿרומער פֿאַמיליע. פֿאָטער — געהאַלטן אַ שענק און אַ געוועלבל, געווען אַ שטיקל בעל תפילה, אַ וויצלער. ביז 13 יאָר געלערנט גמרא, געזונגען ביי חזנים אַלס משורר און אַרומגעפֿאָרן מיט חזנים איבער גאַליציע, רומעניע און פּוילן. אין 1900 געקומען מיט די עלטערן אין אַמעריקע. נאָך אַ קורצער צייט טרעט דאָ ג. אַרויס אַלס קופּלעטיסט אין די וואָדעוויל-פּלעצער, און דערנאָך פֿאָרט ער אַרום איבער דער פּראָווינץ מיט שוואַרץ, גערסטין, סיימאַן וואָלף, מאַליץ, נייטאַן און ראָזאַ גאָלדבערג, יעקב גאָלדשטיין, סידני הארט א. א. פֿון 1905 ביז 1910 שפּילט ג. אין סינגער-האָל אין בראָנזוויל אַלס צווייטער ליבהאָבער און זינגער. איבעררייסנדיק זיין טעאַטער-קאַריערע אויף 7 יאָר, בעת וועלכע ער פֿאַרנעמט זיך מיט מסחר, שפּילט ער ווידער אין 1917 אייניקע וואָכן אין ליבערטי טעאַטער (דיר. גראָל און וויינטרויב), און ווידמעט זיך דעם האָטעל-וועזן.

1909 האָט ג. געשפּילט אין פֿילם „צרות פֿון ישראל" (רעזשי סידני גאָלדין). ג. שרייבט פֿון צייט צו צייט הומאָריסטישע מעשיות אין „פֿאָרווערטס" א"נ „לייביש דער גאַליציאַנער" (געדרוקט אין דער באַאַרבעטונג פֿון ב. קאָוונער).

ש. ע.

גאָלדבערג, מאָריס

[געב. 1874 — געשט. 16 אויגוסט 1925]

געבוירן 1874 אין ביאַליסטאָק, פּוילן. עמיגרירט קיין אַמעריקע און געווען אין שיקאַגאָ אַ מיטגליד אין „מ. ד. וואַקסמאַן דראַמאַטישער פֿאַריין". אין 1898-9 דעביוטירט ג., צוליב דער קראַנקהייט פֿון אַן אַקטיאָר, אין דער פּיעסע „דעם פֿאָטערס קללה" און זייט דאַמאָלט בלייבט ער אַ פּראָפֿעסיאָנעלער אַקטיאָר.

דעם 16 אויגוסט 1925 איז ג. פּלוצלינג געשטאָרבן אין פֿילאַדעלפֿיע און איז געבראַכט געוואָרן צו זיין אייביקער רו אין ניו-יאָרק אויפֿן בית-עולם פֿון די יידישע טעאַטראַל-עליינס.

מ. ע. פֿון מ. ד. וואַקסמאַן.

גאָלדבערג, מיכל

געב. 1865 אין סטרזשיזשאָוו, גאַליציע, ביי פֿרומע עלטערן. צוליב שול-צוואַנג האָט ער „געמוזט" גיין אין שול, וואו ער האָט געלערנט פּויליש און דייטש. נאָכן ענדיקן 4 קלאַסן, האָט ער געזאָלט אַריינטרעטן אין גימנאַזיע, אָבער צוליב דער פֿרומקייט און די עקאָנאָמישע אומשטאַנדן אין שטוב, קאָן ער ניט פֿאָרזעצן זיין בילדונג, און ער לערנט זיך פּריוואַט העברעאיש, פּויליש און דייטש, ביז די רעגירונג גיט אים די דערלויבניש צו עפֿענען אַ פּריוואַט-שול.

די ערשטע דראַמע וואָס ער האָט געלייענט איז געווען „אוריאל הכושי", די העברעאישע באַאַרבעטונג פֿון שעקספּירס „אָטעלאָ". זייט דאַמאָלט לייענט ער פֿיל פּוילישע און דייטשע פּיעסן, באַזוכט אויך בסוד פּוילישע טעאַטער-פֿאָרשטעלונגען פֿון דורכפֿאָרנדיקע אַקטיאָרן, און ווען אין 1892 איז ג. געקומען אין אַמעריקע און געזען צום ערשטן מאָל יידיש טעאַטער, האָבן אים זיינע לאַנדסלייט געראַטן, אַז ער זאָל עפּעס שרייבן פֿאַר דער יידישער בינע, אָבער ער פֿילט זיך ניט בכח צו שרייבן אָריגינעלעס, און זעצט איבער פֿרידריך קייזערס אַ צוויי-אַקטער, וועלכן ער ברענגט אַדלערן. די פּיעסע ווערט אָבער ניט אָנגענומען, ווייל זי האָט ניט קיין 5 אַקטן, נאָר אַדלער גיט אים אַ פֿרייקאַרט צו באַזוכן אָפֿט זיין טעאַטער. דאָס מאַכט אים פֿאַר אַ יוצא ונכנס אין די אַקטיאָרישע קרייזן, אַזוי, אַז טאָמאַשעווסקי גיט אים צו איבערזעצן הויפּטמאַנס „פֿאַרזונקענער גלאָק", ביטשער סטאָוס „אַנקל טאָמס קאַבין" און שעקספּירס „קעניג ליר", „אָטעלאָ", „האַמלעט" און „ראָמעאָ און יוליע", און אַדלער — ריכאַרד פֿאָסס פּיעסע „שולדיק".

צו יענער צייט האָבן אויפֿגעבליט די יידישע וואָדעוויל-טרופּעס, און אין משך פֿון אייניקע יאָר שרייבט ג. פֿאַר זיי בערך 150 איינאַקטערס, פֿון וועלכע נאָר אַ טייל זיינען אָריגינעלע — דער רוב פֿון זיי איז גענומען פֿון פּוילישע, דייטשע און ענגלישע קוועלן.

שפּעטער נעמט ער זיך שרייבן אויף פֿרעמדע טעמעס גרעסערע פּיעסן: „מיש מאַש" און „אַ ווייב אויף אָפּצאָלן", קאָמעדיעס אין 4 אַקטן, וועלכע ווערן אויפֿגעפֿירט דורך שוואַרץ, די קאָמעדיע „זי באַצאָלט" — דז. קעסלער אין שיקאַגאָ, די קאָמעדיע „חיים חייקל דער שדכן" — דורך בלאַנקן אין נייַשאַנאַל טעאַטער.

דערנאָך זיינען געשפּילט געוואָרן ג.'ס „סיידי פּלאָם", „די ליבע פֿון אַ קאַבאַרעט-מיידל" און די מוזיקאַלישע קאָמעדיעס „דער באָבעס ירושה" און „משה דער גרינער" (מוזיק פֿון רומשינסקי).

ש. ע.

גאָלדבערג, משהלע

[געב... — געשט... 1910 [?]]

געב. אין יאַסי, רומעניע. געווען דאָרט אַ הוזירער. סענאַ-לעסקאָ נעמט אים אַריין אין טרופּע אַלס רעקוויזיטאָר, דערנאָך גיט ער אים קליינע ראָלן, שפּעטער שפּילט ג. קליינע ראָלן אין הורוויץ-גרינבערגס טרופּע. געקומען מיט דער ערשטער רומענישער טרופּע אין אַמעריקע, געווען גאַרדעראָבער אין יידישן טעאַטער און פֿון צייט צו צייט אויך געשפּילט קליינע ראָלן. אין 1910 [?] משוגע געוואָרן און געשטאָרבן אין ניו-יאָרק.

מ. ע. פֿון איציק גאָלדענבערג און צעזאַר גרינבערג.

גאָלדבערג, נייטאַן

געב. 19 אויגוסט 1887 אין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע. פֿאָטער — אַ באַזיצער פֿון אַ בעקעריי-געשעפֿט. אין 1888 וואַנדערט אויס כמעט די גאַנצע פֿאַמיליע קיין אַמעריקע. דאָ לערנט ג. אין חדר, אין פּאַבליק און האַי-סקול, און באַטייליקט זיך אין די שול-פֿאָרשטעלונגען אויף ענגליש. ג. ווערט אַ פֿאַרקויפֿער אין אַ דעפּאַרטמענט-סטאָר, און גרינדעט גלייכצייטיק דעם „נייטען גאָלדבערג דראַמאַטיק-קלאָב", וואו ער שפּילט די הויפּטראָלן אויף יידיש. (מיטגלידער פֿון דאָזיקן קלוב זיינען די שפּעטערדיקע אַק-

טיאַרן שוואַרץ, ראָזאַ פינקעלטאַל (דערנאָך גאָלדבערג), יעקב גאָלדשטיין, יוסף שוואַרצבערג א. א.).

אין 1903 טרעט ג. אויף צום ערשטן מאָל פּראָפעסיאָנעל אין יידישן וואָדעוויל אין גאָלדענרול־הויז. נאָכן שפּילן עטלעכע יאָר וואָדעוויל אין פאַרשיידענע וואָדעוויל־פּלעצער, האָט ג. חתונה מיט ראָזאַ פינקעלטאַל, און צוזאַמען שפּילן זיי אייניקע יאָר לעגיטים טעאַטער איבער דער פּראָווינץ, באַטייליקנדיק זיך אויך אין דער ערשטער שטענדיקער יידישער טרופּע אין קאַנאַדע א"ד פון לואיס מיטניק. שפּעטער ווערט ג. אויף אַ סעזאָן דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער אין נוארק, דערנאָך אַ סעזאָן פון ליריק טעאַטער, און דאַן 13 יאָר דירעקטאָר פון לענאָקס־טעאַטער אין האַרלעם, זייענדיק אויך גלייכצייטיק 2 יאָר מיט־דירעקטאָר פון ניישאָנאַל־טעאַטער. זייט 1927 איז ג. דירעקטאָר פון פּראָספּעקט־טעאַטער, בראָנקס, שפּילנדיק ערשטע ראָלן אין זיינע טרופּעס.

מ. ע.

גאָלדבערג, סעם

געב. 1875 אין קאַמענעץ פּאָדאָלסק, אוקראַינע. פאָטער — אַ שניידער, וועלכער וואַנדערט אויס, נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, מיט זיין גאַנצער פאַמיליע קיין שיקאַגאָ, וואו ג. לערנט אין חדר און סקול, און פאַרקויפט אויך צו ביסלעך צייטונגען אין גאַס. דערנאָך הויבט ער אָן זינגען ביים חזן קלמן קליינאַוויטש, און נאָכדעם ווי ער פאַרלאָזט אין עלטער פון 15 יאָר די היים, טרעט ער אריין אַלס כאָריסט אין לעאָן גאָלובאָקס טרופּע, וואו ער באַקומט אויך שפּעטער קליינע ראָלן. נאָך אַנדערהאַלבן יאָר לאָזט ער זיך אַרויס, שוין אַלס אַקטיאָר, מיט גאָלובאָקן אויף אַ טורנע איבער אַמעריקע און קאַנאַדע, וואָס דויערט 6 יאָר, און דערנאָך שפּילט ער אין ניו־יאָרק אין אַ האָל אויף מאַנהעטען־עוועניו, וואו גאָלובאָק פירט אויף גאָלדפאַדענס אָפּערעטן. שפּעטער פאָרט ג. אַרום מיט „ליבהאָבער" איבער דער סביבה פון ניו־יאָרק, אַ קורצע צייט שפּילט ער אויך אין וואָדעוויל, דערנאָך לעגיטים־טעאַטער, דערונטער צו סעזאָנען אין שיקאַגאָ, אין האָפּקינסאָן אין ניו־יאָרק, 1925-6 אין לענאָקס, 1926-7 אין קליוולאַנד, 1927-8 אין דעטראָיט ביי ליטמאַן און 1928-9 ביי גליקמאַן אין שיקאַגאָ.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער־קאָמיקער.

ש. ע.

גאָלדבערג, ראָזאַ

[פינקעלטאַל]

געב. 12 סעפּט. 1889 אין טשערנאָוויץ, בוקאָווינע. עלטערן — בעלי־בתים פון אַ קאַלך־פאַבריק. געלערנט אין שטוב ביז 10 יאָר יידישע און וועלטלעכע למודים.

נאָכדעם ווי עס ווערט אין דער געגנט פון דער קאַלך־פאַבריק דורכגעפירט אַ באַן, און די געשעפטן ווערן שלעכט, וואַנדערט אויס די גאַנצע פאַמיליע אין 1900 קיין אַמעריקע. דאָ ענדיקט ג. פּאָבליק־סקול און 3 קלאַסן האַי־סקול.

וואוינענדיק אין דער יידישער געגנט, באַזוכט זי אָפט דאָס יידישע טעאַטער, און באַקומט אַ שטאַרקן ווילן צו דער בינע. זי באַקענט זיך מיט „ליבהאָבער", צווישן וועלכע ס'געפינען זיך נייטאַן גאָלדבערג, שוואַרץ, יוסף שוואַרצבערג, און זי טרעט אויף מיט זיי אַלס „אַמאַליע" אין שילערס „רויבער". מיט דער גרופּע פאָרט זי אַרום איבער דער פּראָווינץ ביז דער טעאַטער־אונטערנעמער מידניק נעמט זי קיין מאָנטרעאַל שפּילן אין אַ פּראָפעסיאָנעלער טרופּע. דאָרט שפּילט זי אייניקע וואָכן, און אויפן פאַרלאַנג פון אירע עלטערן קומט זי צוריק אין ניו־יאָרק.

דאָ טרעט זי אַריין צוזאַמען מיט נייטאַן גאָלדבערג, מיט וועלכן זי האָט חתונה, אין די יידישע וואַריעטע־טעאַטערס, וואו זי שפּילט צוויי יאָר, דערנאָך פאָרט זיך אַרום אַ קורצע צייט איבער דער פּראָווינץ מיט גאָלדבערג, איזידאָר מעלצער און שוואַרץ, און שפּילט אויך אַ יאָר צייט אין מעטראָפּאָליטאַן טעאַטער אין נוארק, פון דאָרט גייט זי איבער אויף אַ סעזאָן אין ליריק, דאַן שפּילט זי 12 יאָר אין לענאָקס־טעאַטער אונטער איר מאַנס דירעקציע, 1 יאָר אין גרענד־טעאַטער און זייט 1926-30 אין די טעאַטערס ניישאַנאַל און פּראָספּעקט.

ג. האָט איבערזעצט (פון ענגליש) סאַרדוס פּיעסע „די געָ'נט'ע", וועלכע איז געשפּילט געוואָרן אין דער פּראָווינץ.

אַמפּלואַ — דראַמאַטישע ראָלן.

מ. ע.

אוריאל מזיק — בילדער־גאַלעריע פון אונזערע אידישע שוישפּיעלער, „דער טאָג", נ. י., 24 נאָוו. 1917.

ראָזאַ גאָלדבערג — איך און דאָס פּובליקום, „טאָג", נ. י. 16 מערץ 1928.

גאָלדין, סידני

[סאַמועל גאָלדשטיין]

געב. 24 מערץ 1880 אין אָדעס, אוקראַינע. פאָטער — אַ סוחר, וועלכער וואַנדערט אויס קיין אַמעריקע. דאָ האָט ג. געענדיקט פּאָבליק־סקול. אַלס יונגעל געווען אַ צייטונגס־פאַרקויפער, און זיך „געדרייט" אַרום טעאַטער. אין 1895 אויפגעטראָטן צום ערשטן מאָל אין באַלטימאָר א"ד פון אבא שיינגאָלד, און דערנאָך געשפּילט מיט געבילן.

אין 1919 פאַרלאָזט ג. די יידישע בינע, און ווידמעט זיך דעם פילם. ג. האָט אַלס אַקטיאָר פּאָזירט אין דער „איי ענד עס" פילם־קאָמפּאַניע, און דורכדעם באַקומען די מעגלעכקייט צו זיין דער ערשטער דירעקטאָר פון יידישע לעבנסבילדער ווי „מענדל ביילים", „מזל טוב", „יזכור" פון סעקלער (געפילמט אין ווין דורכן ניו־יאָרקער יידישן קונסט־טעאַטער) „מזרח און מערב" מיט מאַלי פּיקאָן און „איסט סייד סיידי".

אין נאָוועמבער 1929 האָט ג. אויפגעפירט די ערשטע יידישע „טאָקי" (ריידנדיקע פילם) „עד מתי" מיט בערטאַ גערסטין, לאַזאַר פריד, א. א.

ג.'ס פרוי, בעטי גערטנער־גאָלדין, איז אַ יידישע אַקטריסע און אַ פילם־שפּילערין.

ש. ע.

גאָלדיצע

געבוירן אין בוקאַרעסט, רומעניע.

לויט איציקל גאָלדענבערג איז איר נאָמען געווען גאָלדע און זי איז געווען די פרוי פון אַ טעאַטער־מאָלער — וויים אָדער וויסמאַן.

בעת אַ סכסוך צווישן גאָלדפאַדען און זיין טרופּע, האָט גאָלדפאַדען זי געמאַכט פאַר אַן אַקטריסע.

גאָלדפאַדען דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע: „דאָס נייע אַקטריסעלע האָט שנעל פּראָגרעסירט אויף דער בינע, ווייל אַלס הפקר-קינד, נאָך פאַר דער בינע, איז זי געוואוינט געווען ניט צו שרעקן זיך פאַר מענטשן און האָט געהאַט מער מוט און חוצפּה. דערנאָך האָט זי געשפּילט „שמענדריק", וואו זי האָט זייער גוט קאָפּירט דעם אַנטלאָפענעם מאָגולעסקאָ...".

לויט יצחק ליבערסקאָ האָט גאָלדיצא שפּעטער געשפּילט אין אַ חברים-טרופּע איבער דער רומענישער פּראָווינץ.

מ. ע. פון פרוי ווײַנבלאַט, צעזאַר גרינבערג און איציקל גאָלדענבערג.
ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I. ז. 194.
זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פּאָרהאַנג", ווילנע, 1928. ז. 100.
שלום פּערלמוטער — דער אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער, „די אידישע וועלט", פילאַדעלפיע, 1929.

גאָלדמאַן

ג. איז געווען אַ סוחר פון הייזער און לאַנד אין ניו-יאָרק. אַ געוויסער ה' שרייבער, אַ באַזיצער פון אַ קאַפע-הויז אין יידישן קוואַרטאַל פון ניו-יאָרק, פירט צוזאַמען (אין 1886) דעם אַדוואָקאַט ליווי, דעם גלאָזהענדלער ראָט און ג. זיי זאָלן שאַפן אַ טעאַטער פאַר מאָגולעסקאָן מיט זיין טרופּע, וועלכע ס'האָבן אַראָפּגעבראַכט אַנדערע דירעקטאָרן. די דריי שותּפים זאָלן האָבן באַצאָלט 20 טויזנט דאָלאַר אָפּטרעט-געלט די באַזיצער פון ניישאָנאַל-טעאַטער, און האָבן געענדערט דעם נאָמען פון טעאַטער אויף רומעניאַ-אָפּערע-הויז וואו ס'הויבט אָן שפּילן מאָגולעסקאָס טרופּע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I, זז. 40-41.

גאָלדמאַן, דוד

געבוירן 26 מאַי 1885 אין קאַלאַראַש, בעסאַראַביע. אַלס קינד פון 4 יאָר עמיגרירט מיט זיין פאַמיליע קיין אַרגענטינע.

ג. האָט אין זיין בוך „די יודען אין אַרגענטינע — אין דער פערגאַנגענהייט און אין דער געגענוואַרט אין וואָרט און בילד" (בוענאָס איירעס 1914) געווידמעט אַ באַזונדער קאַפּיטל דעם דאָרטיקן יידישן טעאַטער.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 481-2.

גאָלדענבורג, סעמיועל

[שלום גאָלדשטיין]



געב. 8 פעב. 1886 אין ברעסט-ליטאָווסק, פּויליש-ליטע. פאָטער — אַ וואַלד-סוחר, אַ טריסקער חסיד. געלערנט אין חדרים, אין בריסקער ישיבה און ביים עלטער-פעטער ר' יאָשע בער סאָלאָווייטשיק (בריסקער רב).

ווען די עלטערן פאָרן אַריבער קיין וואַרשע, נעמט ער לערנען ביי ר' אהרן'טשע, און אַלס עקסטערן — למודי-חול.

איינמאָל זינגט ער פאַר אַ גרופּע תּלמידים פון קאָנסערוואַטאָריע און זיי ריידן אים צו לערנען מוזיק. ג. הויבט אָן לערנען ביי פּריוואַט-לערער און דערנאָך אין קאָנסערוואַטאָריע, וואו ער שטודירט אַלס מיליטערישער דיריגענט, אויסהאַלטנדיק זיך פון געבן לעקציעס אין מוזיק און שפּראַך, אָבער צוליב דעם דאַמאָלטיקן קריזיס אין פּוילן, פאַרלירט ער די לעקציעס. דאָ קומט אָן אַ יידישע טרופּע מיט לעמפּקאָוויטש אַלס דיריגענט און ל. ראָט אים אַריינצוטרעטן אין כאָר, כדי צו האָבן פּרנסה.

נאָך אַלס שילער האָט ג. געשפּילט רוסיש מיט „ליבהאָבער", און איינמאָל, ווען מ'האָט אויפגעפירט שלום עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט" און אַן אַקטיאָר האָט ניט געקאָנט נאָכזאָגן דאָס וואָרט „אינטערנאַציאָנאַליזם", האָט מען ג. געגעבן די ראָל, און אַזוי אַרום איז ער געוואָרן אַן אַקטיאָר, וואָס האָט געפירט צו אַ סכסוך צווישן אים און זיין פרומען פאָטער.

דערווייל איז געקומען קיין וואַרשע אַ טרופּע מיט מעטרסאָן און סעם אַדלער, און ג. האָט גענומען שפּילן די ראָל „קאַרל מאָר" אין שילערס „רויבער", אָבער באַלד הויבט ער אָן שפּילן פאָטערראָלן. צוליבן פּריזיוו איז ער אַוועק קיין לאָנדאָן. אַזוי ווי דאָ האָט מען אים ניט געוואָלט צולאָזן צום פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, האָט ער געגרינדעט אַן אַרבעטער גרופּע א"נ „דראַמאַטישע קונסט", און געלעבט אַלס לערער פון קלאַוויר-שפּילן, ביז זיגמונט פיינמאַן האָט אים געגעבן שפּילן די ראָל „יעקב ענמאַן" אין דימאָוס „שמע ישראל", און ער האָט ווידער אָנגעהויבן שפּילן ליבהאָבער-ראָלן. דאָ האָט אים סעם וואָלערשטיין גענומען אויף $1\frac{1}{2}$ יאָר קיין דרום-אַפריקע, פון דאָרט איז ער צוריקגעקומען שפּילן אין לאָנדאָן, דערנאָך פּאַריז, דאַן ווידער צוריק לאָנדאָן-פּאַריז, פון וואַנען ער איז געפאָרן קיין אַרגענטינע. דאַן ווידער פּאַריז-לאָנדאָן און נאָך אַמאָל קיין אַרגענטינע.

אין 1917 איז ג. געקומען אין אַמעריקע און אויפגעטראָטן ביי טאָמאַשעווסקין אין ניישאָנאַל-טעאַטער אין דער שפּאַנישער דראַמע „אויף דער זינדיקער ערד" פון גימאַרי (אַנאָנסירט אַלס זיין איבערזעצונג). דערנאָך האָט ג. געשפּילט אין פילאַדעלפיע, ניו-יאָרק, פילאַדעלפיע (געווען דירעקטאָר), אָמפּיאָן-טעאַטער אין ניו-יאָרק (דירעקטאָר) און זייט 1925 אַלס רעזשיסער און אַקטיאָר אין ניישאָנאַל-טעאַטער. 1929 האָט ג. געשפּילט אין יידישן קונסט-טעאַטער, וואו ער איז אויך געווען לערער פון שטים-בילדונג אין דער דראַמאַטישער סטודיע ביים קונסט-טעאַטער.

אין 1929 האָט ג. געגרינדעט אַ יידישע דראַמאַטישע שול, וועלכע האָט עקסיסטירט אַ קורצע צייט.

ג. איז געווען אַ מיטגליד אין פאַרלאַגס-קאָמיטעט פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער".

אַמפּלואַ — דראַמאַטישער ליבהאָבער און כאַראַקטער-ראָליסט.

מ. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 198-201.

ליליפּוט — דער נייער אידישער אַקטיאָר ביי טהאָמאַשעווסקי'ן, „די וואַרהייט", נ. י. 25 נאָוו. 1916.

אוריאל מזיק — בילדער-גאַלערעיע פון אונזערע אידישע שוישפּילער, „דער טאָג", נ. י. 4 מאַי 1918.

סעמיועל גאָלדענבורג — מיין בעסטע ראָל — „אַרטור בלעק", „מאָ"זש", 28 אַפּריל, 1922.

סעמועל גאָלדענבורג — איך און דאָס פּובליקום, „דער טאָג", נ. י., 23 מערץ 1928.

א. פרומקין — סעמועל גאָלדענבורג וועגן קריזיס אויף דער אידישער ביהנע, „מאָ"זש", 27 יאַנ. 1928.

גאָלדענבערג, איציקל

געב. 1 יאַנואַר 1872 [לויט זיינע דאָקומענטן 1869] אין יאַסי, רומעניע. פֿאָטער — אַ בעקעריי-באַזיצער. געלערנט אין חדר און דערנאָך ביי אַ גמרא מלמד, געענדיקט 3 קלאַסן אין דער יידיש-רומענישער שול פֿון לייבטשע זאַנדבערג און געזונגען אין טעמפּל ביים קאַנטאָר האַניגמאַן.

ווען די טרופּע פֿינקל, פֿיינמאַן און מאָגולעסקאָ קומט, נאָכן פֿאַרבאָט אין רוסלאַנד, אין יאַסי, נעמען זיי אַריין ג. אין זייער קינדער-כאָר צו די גאָלדפֿאַדענישע היסטאָרישע אָפּערעטן. נאָכדעם ווי די טרופּע פֿאָרט אַוועק, נעמט ג. צונויף יינגלעך און מיידלעך אין עלטער פֿון 12 ביז 15 יאָר און שפּילט מיט זיי דעם זעלבן רעפּערטואַר.

2 יאָר שפּעטער נעמען אים מיט זכריה פֿישל פֿיליפּעסקאָ און זיין פֿרוי דזשאַנעט צו שפּילן טעאַטער איבער די קליינע שטעטלעך פֿון רומעניע. ג. פּלאָגט זיך אָפּ אַ ווינטער, אין שרעקלעכער דחקות, און לאָזט זיך צופֿוס אַהיים. סאָלדאַטן נעמען אים מיט פֿון רחמנות קיין גאַלאַץ, און דאָ זינגט ג. אין אַ גערטנדל צוזאַמען מיט סאָלאָמאָנעסקאָ ביז ס'קומט אַהין אין 1888 סעגאַלעסקאָ, און נעמט זיי ביידע אַריין אין זיין טרופּע, וואו ג. שפּילט קליינע ראָלן. ערשט אין באָטאָשאַן הייבט ג. אָן אין דער זעלבער טרופּע צו שפּילן פֿאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן ווי „אבשלום“ אין „שולמית“, „מאַקס“ אין „קוני לעמעל“. סוכות 1889 ווערט ג. אַנגאַזשירט דורך אַקסעלראַדן קיין לעמבערג צו גימפּעלן, וואו ער שפּילט 2 יאָר. פֿון דאָרט ווערט ער דורך די ברידער קאַהן אַנגאַזשירט (צוזאַמען מיט עסקרייז, קאַליש, שראַמעק און וויינשטאָק) קיין בודאַפּעסט פֿאַרן ווינטער-סעזאָן און פֿאָרט צוריק קיין לעמבערג, וואו ער באַטייליקט זיך אין גאָלדפֿאַדענס אויפֿפֿירונגען פֿון „רבי יאָזעלמאַן“, „לא תחמוד“, „יהודית און הולפֿרנוס“ און „באַראָן ראָטשילד“. דאַן פֿאָרט ג. צוריק קיין בודאַפּעסט, וואו ער שפּילט ווידער דעם ווינטער-סעזאָן און צום סוף פֿון סעזאָן 1892 ווערט ער פֿאַרבעטן דורך מאָריס ליבליך אין דער בוקאַרעסטער זשיגניצע, וואו ער טרעט אַרויס אַלס אַקטיאָר און רעזשיסער. אין 1904-5 פֿירט ג. אויף צום ערשטן מאָל דעם גאָרדין-רעפּערטואַר אין רומעניע. אין 1908 פֿאָרט ער קיין אַמעריקע, וואו ער שפּילט צו סעזאָנען אין ווינדזאָר מיט אַדלערן, מיט טאָמאַשעווסקין, מיט פּראָגער איבער דער פּראָווינץ, מיט געבילן און ווידער איבער דער פּראָווינץ. 1914 פֿאָרט ג. צוריק קיין בוקאַרעסט, וואו ער פֿרישט אויף דאָס צעשטערטע זשיגניצע-טעאַטער, און פֿירט אויף דעם אַמעריקאַנער מעלאָדראַמאַטישן און דראַמאַטישן רעפּערטואַר, אין וועלכן ער שפּילט די הויפּט-ראָלן. צוליב דער מלחמה מוז מען בכלל אויף אַ געוויסער צייט איבעררייסן די פֿאָרשטעלונגען, דערנאָך עפֿנט ג. ווידער די זשיגניצע, וואו ער ברענגט אין 1919 קלאַראַ יאַנג, אין 1921 „די פֿרייע פֿאָלקס בינע“ מיט באַראַטאָוון, אין 1921-3 — „די ווילנער טרופּע“, אין 1926 — קאָמפּאַניעיעס אָפּערעטן-טרופּע, אין 1927-8 — באַראַטאָוון. אין 1928 איז ג. געווען אין אַמעריקע, און געגעבן איינציקע גאַסט-פֿאָרשטעלונגען.

ג. איז געווען אין רומעניע (אין 1921) דער ערשטער אויפֿפֿירער אויף יידיש פֿון דער טיטל-ראָל אין דער פּיעסע „מנשה“ פֿון רענאַס.

ג. איז געווען אַ מיטגליד אין רומענישן פֿאַרלאַגס-קאָמיטעט פֿון „לעקסיקאָן פֿון יידישן טעאַטער“.

מ. ע.
בערטאַ קאַליש — (זכרונות), „טאָג“, 27 יוני, 1925.

גאָלדענבערג, הערשל

[קאַליגראַף]

[געב... — געשט... 1927]

געבוירן אין בוקאַרעסט, רומעניע. פֿאָטער — אַ העברעאישער לערער. איז געווען דער ערשטער כאָר-מייסטער אין גאָלדפֿאַדענס טרופּע מיט וועלכער ער איז אַרומגעפֿאָרן איבער רומעניע און רוסלאַנד.

אין גאָלדפֿאַדענס טרופּע האָט גאָלדענבערג חתונה געהאַט מיט דער פּרימאַדאָנע ליזע איינהאָרן, אָבער נאָכדעם ווי זי איז אַריבער אויף דער רומענישער בינע, איז ג. אַוועקגעפֿאָרן קיין בודאַפּעסט, דאָרט געוואָרן אַ קאַנטאָר, און צוליב דער ענדערונג אין זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען, גע'גט זיך מיט זיין פֿרוי.

ג. איז שפּעטער געווען קאַנטאָר אין פֿאַרשיידענע באָד-ערטער, ווי קאַרלסבאָד און מאַריענבאָד, און איז אין 1927 געשטאָרבן.

מ. ע. פֿון איציקל גאָלדענבערג, ס. טאַבאַטשניקאָוו און זילבערבוש.
ש. ע. פֿון איוואַן אַבראַמסאָן.
ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ I, ז. 209.

גאָלדענבערג, יעקב-משה

געב. 27 יולי 1886 אין יאַסי, רומעניע. פֿאָטער — אַ שניידער און גלייכצייטיק אַ חזן. געזונגען ביי חזנים און געאַרבעט אַלס שניידער. וואוינענדיק בשכנות מיט דער פֿאַמיליע ראָזענשטיין, די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן, אַנטוויקלט זיך ביי ג. אַ ליבע צום טעאַטער, און ווען קלמן עבעל קומט זוכן קרעפֿטן, פֿאָרט ג. מיט אים „אָפּריכטן גלות-טעאַטער“.

ג. האָט געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט די אַנגעזעענסטע כחות פֿון דער יידישער בינע, וועלכע האָבן גאַסטראָלירט אין רומעניע, און געווען אַנגאַזשירט יאָרן לאַנג ביי די דירעקטאָרן איציקל גאָלדענבערג, אשכנזי און קאַנער, און זייט די לעצטע 9 יאָר ביי זיגלערן.

ש. ע. פֿון משה גוטמאַן.

גאָלדענבערג, שפרה

[האַזענבערג]

געב. 28 מאַי 1900 אין אַ קליין בוקאָווינער שטעטל. פֿאָטער — אָרטיקער רב. יידישע למודים געלערנט אין דער היים, און געענדיקט אַ 7 קלאַסיקע פֿאָלקסשול. בלייבנדיק אַ יתום און ליידנדיק זייער פֿון די אָפּטע גרושים צוליב דער מלחמה, טרעט זי אַריין אין טשערנאָוויץ אין כאָר ביי רחל אַקסעלראַד, דערנאָך שפּילט זי אין פֿאַרשיידענע פּראָווינץ טרופּעס אין רומעניע. אין 1928 ביי מאָריס זיגלער.

ש. ע. פֿון משה גוטמאַן.

גאָלדפאַדען, אברהם

[גאָלדענפאָדים]

[געבוירן 12 יולי 1840 — געשט. 9 יאַנואַר 1908]



געבוירן 12 יולי 1840 אין סטאַראָ-קאָנסטאַנטין, וואָלינער גוב., וואָלין. פאָטער — אַ זייגערמאַכער. לויט ג. דערציילט, איז זיין פאָטער געווען דער איינציקער בעל-מלאכה אין שטעטל, וועלכער האָט געהאַט הנאה אַריינצוקוקן אין אַ יידיש ספר און האָט דעריבער נישט געשפּאָרט זיין לעצטן גראָשן צו לערנען זיין זון לשון-הקודש. ג.׳ס פאָטער פלעגט אויך פון צייט צו צייט אָפּדרוקן אין דער העברעאישער פּרעסע קאָרעספּאָנדענציעס אין דער פאָרם פון בריוו אין רעדאַקציע.

דעם פאָטערס באַציאונג צום געדרוקטן וואָרט האָט געהאַט אַן השפּעה אויף זיינע קינדער. אין 1868 דרוקט ג.׳ס יונגערער ברודער, יוסף, אין „קול מבשר" קאָרעספּאָנדענציעס און באַאַרבעטונגען פון דער דייטשער און רוסישער ליטעראַטור. „אַ פּנים, אַז די שטוב פון גאָלדפאַדנס פאָטער איז געווען אַ שטוב, וואו עס האָט זיך לאַנגע יאָרן נאָכאַנאַנד אויפגעהאַלטן דער פונק פון געוויסע קולטורעל-געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן". [נ. אויסלענדער און או. פינקעלס „א. גאָלדפאַדן", מינסק 1926].

ג. האָט געלערנט אין חדר ביי אַ גמרא-מלמד, און ביי אַ לערער אין דער היים — דייטש, רוסיש און תנ״ך מיט דייטשער איבערזעצונג.

אוים מורא פאַר דער גזרה, אַז מען וועט נעמען קליינע קינדער פאַר סאָלדאַטן, לערנט אים דער פאָטער זייגערמאַכעריי, כדי צו קאָנען אים אַריבערשטעלן די רומענישע גרעניץ אַלס פּאַרטיקן בעל-מלאכה. ג. וויייזט דערביי אַרוים גוטע פעאיקייטן. אָבער אַזוי ווי עס דערשיינט באַלד דער „אוקאַז", אַז די שילער פון די ביי-געגרינדעטע „יידישע קרוין-שולן" וועלן באַפרייט זיין פון רעקרוטירונג, פאַרשרייבט אים דער פאָטער אין 1855 אין אַזאַ שול, ניט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפט פון די פאַנאַטיקער.

ג.׳ס לערער פון יענער צייט, אברהם-בער גאָטלאָבער, שרייבט וועגן דעם שפּעטער אין זיינע מעמואַרן:

„צווישן אַלע תלמידים איז געווען אַ יונגעלע גאָר אַ יונגס, אברהמלע גאָלדפאַדען. דאָס יונגעלע האָט אַ חוץ דער שול, ביי מיר צו הויזע פּריוואַט געלערנט, איבערהויפּט פלעגט ער זיך זייער צוקוקן ווען איך האָב געשריבן זשאַרגאָן; דאָס איז געווען גאָר זיין ליידנשאַפט. ציינד דאַרף איך ניט דערציילן, איר ווייסט שוין ווער ער איז און וואָס ער האָט שוין אָנגעשריבן, אַ חוץ האָט ער אויפגעטאָן יידיש טעאַטער צו שפּילן".

ג. ענדיקט די שול מיט אַן אויסצייכנונג און אין עלטער פון 17 יאָר (1857) טרעט ער אַריין אין דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול.

די אָפיציעלע אויפגאַבע פון דער ראַבינער-שול איז געווען צוצוגרייטן ראַבינער און לערער. אָבער פאַקטיש פלעגן אַהין אָנקומען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן נאָר געוואָלט דאָרט באַקומען וועלטלעכע בילדונג און געוויסע יידישע למודים „כדי פאָרטצוזעצן די יידישע טראַדיציע". כמעט די גאַנצע אָרטיקע באַפעלקערונג איז געשטאַנען ווייט פון דער ראַבינער-שול און זיך נישט אינטערעסירט מיט איר. אין דער שול גופא האָט געהערשט אַ „מאָדערנער גייסט". אויף זייער בקשה האָבן די תלמידים באַקומען אַ דערלויבניש צו טאַנצן, און פלעגן, אויפאַלנד קאָסטיומירט, באַזוכן מאַסקאַראַד-בעלער אין זשיטאָמירער טעאַטער. איינער פון די תלמידים, וואָלף קאַמראַש, האָט נאָך אין 1853 אָנגעשריבן אין דראַמאַטישער פאָרם אַ ביישנדע סאַטירע אויף קהל, וועלכע דער קיעווער צענזור-קאָמיטעט האָט פאַרווערט צוליב „ניהיליזם". ווייטער: אויף דער איניציאַטיוו און אונטער דער אָנפירונג פון מאַדאַם סלאָנימסקאַ, די פרוי פון אינספּעקטאָר פון דער שול, איז אין 1862 איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער שול אַ יידישע שילער-פאָרשטעלונג פון דר. שלמה עטינגערס קאָמעדיע „סערקעלע" אין דער קעגנוואַרט פון די שילער, לערער און דער איבריקער זשיטאָמירער אינטעליגענץ. די טיטל-ראָל, „סערקעלע", איז געשפּילט געוואָרן דורך ג., וועלכער האָט זיך — לויט די מעמואַרן פון אַ תלמיד פון דערדאָזיקער שול, א. י. פּאַפּערנאָ, — אויסגעצייכנט מער פון אַלעמען.

[ג. האָט אין אַ שמועס מיט ד. י. זילבערבוש דערציילט, אַז ער „איז געווען די רעכטע האַנט ביי פרוי סלאָנימסקאַ. באַזאָרגן די דעקאָראַציעס און ביים איינלערנען די תלמידים איז ער געווען כמעט דער גאַנצער קנאַקער".]

„דאָ האָט זיך גאָלדפאַדען דאָס ערשטע מאָל געלערנט צופּאַסן זיך צו די מינימאַלע סצענישע מעגלעכקייטן פון אַן אימפּראָוויזירטן טעאַטער. . . . . יעדנפאַלס האָט גאָלדפאַדען פון דעם אָוונט גוט פאַרגעדענקט ווי צו באַנוגנען זיך מיט די קנאַפּסטע סצענישע מיטלען, צו באַגיין זיך אָן אַ פרויען-פּערסאָנאַל אין דער טרופּע און אָן די נויטיקסטע שפּיל-מאַטעריאַלן" [נ. אויסלענדער און או. פינקעל].

ג. איז אין ראַבינער-שול אַ פלייסיקער שילער: ער ווערט דורכגעדרונגען מיט די השכלה-אידעען און באַקומט אין דער זעלבער צייט אַ ליטעראַרישע דערציאונג, בפרט פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

ווי ד. י. זילבערבוש דערציילט אין זיינע זכרונות, האָט אים ג. איבערגעגעבן, אַז ער האָט אָנגעהויבן פאַרפאַסן גראַמען נאָך אַלס קינד פון 6-7 יאָר. דער פאָטער פלעגט אים דערפאַר רופן „אברהמלע בדחן". ווען ג. האָט נאָך געאַרבעט ביי זיין פאָטער, איז (אַרום 1854) צו זיי אָנגעקומען אַלס פועל אַ בחור נחמן פון בראָדי, וועלכער איז נאָך אין דער היים געווען אַ משורר און האָט אויך דאָ שבת געזונגען ביים חזן. נחמן פלעגט ביי דער אַרבעט זינגען חזנישע שטיקלעך און יידישע לידער פון בערל בראָדער און וועלוועל זבאַרזשער. האָט ג. פאַר אים פאָרגעזונגען זיינע אייגענע לידלעך, וועלכע דער בחור פלעגט נאָכזינגען מיט אַ באַזונדערער מתיקות. דאָס האָט ביי ג. דערוועקט דעם חשק צו שאַפן נייע לידער און נייע ניגונים, וועלכע זיינען באַלד געזונגען געוואָרן אויך פון אַנדערע משוררים און שפּעטער פון מיידלעך און ווייבלעך פון שטעטל און אפילו פון די אַרומיקע שטעטלעך. נחמן האָט די אַלע לידלעך אַריינגעשריבן אין אַ העפט מיט דער אויפשריפט: „לידער און לידלעך פאַרפאַסט און צו זיי געמאַכט אייגענע ניגונים פון נחמן בראָדער". ערשט איצט האָט ג. אָנגעהויבן זיך אָנגעבן אַלס מחבר פון די לידער.

אין דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול האָט ג. געשריבן לידער אין פאָלקס-טאָן, וועלכע מען האָט באַלד נאָכגעזונגען אפילו אין דער פּראָווינץ און אַזוי אַרום איז ער, נאָך זיצנדיק אויף דער שול-באַנק, געוואָרן אַ פּאָפּולערער און באַליבטער פאָלקס-דיכטער.

„עס איז שווער אָנצונעמען — באַמערקן נ. אויסלענדער און או. פינקעל — אַז דידאָזיקע לידער האָט גאָלדפאַדען געשריבן פאַרבלייבנדיק אין דער איזאָלירונג, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען די ראַבינער-שול אין זשיטאָמיר. עס איז צו גלויבן, אַז גאָלדפאַדען איז געווען פון די איינציקע שילער, וועמען עס האָט זיך

איינגעגעבן אַזוי אָדער אַנדערש צו האָבן אַ געוויסע פאַרבינדונג מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, זען מיט וואָס עס לעבט די ברייטע יידישע מאַסע, פאַרגעדענקן אירע געשטאַלטן און איר לעבן-שטייגער.

„פון זיינע באַגעגענישן מיט די זשיטאָמירער אינטעליגענטע קרייזן וויסן מיר גאַנץ ווייניק. גאָלדפאַדען איז געווען אַן אַריינגייער אין הויז פון וואַרשאַווסקי, דער פאָטער פון באַרימטן דיכטער מ. וואַרשאַווסקי, וואו עס האָט געהערשט אַן אַטמאָספער פון קולטור-אינטערעסן.

„דאָ, אין זשיטאָמיר, באַגעגנט זיך אויך גאָלדפאַדען ווידער מיט א. ב. גאָטלאָבער, ביי וועמען אין הויז עס קומען פאָר מוזיקאַלישע אָוונטן. דאָ באַגעגנט זיך גאָלדפאַדען אויך מיט לינעצקין, מיט וועלכן ער האָט שפּעטער אין זיין לעבן אַזויפיל דורכגעמאַכט צוזאַמען. אַ גרויסן איינפלוס אויף לינעצקין אין דער ראַבינער-שול האָט געהאַט צווייפעל, וועלכער איז שוין דאַמאָלט אַרויסגעטראָטן מיט אַן אַנאָנים ביכל פאַר יידיש און האָט מסתמא געווירקט אויך אויף גאָלדפאַדענען.

נישט אויסגעשלאָסן איז אויך, אַז גאָלדפאַדען האָט זיך דאָרטן באַגעגנט מיט מענדעלען, וועלכער האָט געוואוינט אין בערדיטשעוו און פלעגט גאַנץ אָפט באַזוכן זשיטאָמיר".

אין 1862 דעביוטירט ג. מיט אַ ליד אין „המליץ", און באַלד נאָכדעם הייבט ער אָן דרוקן זיינע יידישע לידער אין „קול מבשר" (נומ. 25, 42, 1863).

אַ דאַנק זיינע העברעאישע לידער פלעגן די לערער אָנווייזן אויף ג. ווי אויף אַ מוסטער און אים מוחל זיין פאַר זיין קנאַפּן דערפאָלג אין אַנדערע למודים (מאַטעמאַטיק, א. ד. ג.).

אין 1865 האָט ג. אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון זיינע העברעאישע שירים א"נ „ציצים ופרחים מאת אברהם בן חיים-ליפא גאָלדפאַדען" — געווידמעט זיין פאָטער. דאָס ביכל האָט געמאַכט אַ קנאַפּן רושם.

אַ יאָר שפּעטער (1866) ענדיקט ג. די ראַבינער-שול און גיט אַרויס אַ זאַמלונג פון זיינע יידישע לידער א"נ „דאָס יידעלע פון אברהם גאָלדענפאָדים", — געווידמעט זיין מוטער. באַלד נאָכן דערשיינען פון דאָזיקן ביכעל איז אויף ג. געפאַלן דער אָפּגלאַנץ פון אַ פאָלקס-דיכטער.

[ב. גאָרין גיט איבער, אַז אויף דער עצה פון אַ לערער אין ראַבינער-שול האָט ג. געענדערט זיין נאָמען אויף גאָלדענפאַדען, כדי אָפּצוּרייבן פון אים דעם פּראָסט-יידישן קלאַנג, און נאָך שפּעטער האָט ער שוין אַליין פאַרקירצט דעם נאָמען אויף גאָלדפאַדען.]

דידאָזיקע לידער האָט מען גלייך גענומען זינגען איבער שטעט און שטעטלעך און ג.'ס שם אַלס פאָלקס-דיכטער איז שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן לאַנד.

וועגן דעם ביכל שרייבן נ. אויסלענדער און או. פינקעל: „אים [גאָלדפאַדענען] איז נישט פרעמד געווען די נאַציאָנאַליסטישע באַגייסטערונג פון „דאָס פּינטעלע ייד", וועלכע ער האָט שוין געפּרובט, אַזוי צו זאָגן, „עמאַנסיפּירן". אגב דער אויסדרוק „דאָס פּינטעלע ייד" האָט, דאַכט זיך, גאָלדפאַדען דער ערשטער אַריינגעפירט אין יידישן ליד. אים איז אויך ניט פרעמד געווען צו אָנהייבן זינגען די מאָטיוון פון „על נהרות בבל" אין אַזאַ טאָן, וואָס האָט געדאַרפט אויסנעמען ביי די „אויפגעקלערטע" פאָרשטייער פון דער „יידישער טראַדיציע". אָבער דער גרעסטער טייל פון גאָלדפאַדענס ביכל איז דאָך געווידמעט סאָציאַלע מאָטיוון, וואָס זיינען גענומען געוואָרן פון סאָציאַלן לעבן, דורכגעדרונגען מיט די דאַמאָלטיקע געפאַלענע שטימונגען פון יידישן מיטלשטאַנד — „דעם פאַרזאָרגטן בעל-הביתל" — און איבערגעגעבן אין אַזאַ טאָן, וואָס האָט אויך געקאָנט זיין נאָנט דער ברייטער יידישער מאַסע, איערע אָרעמע שיכטן".

אין 1867 איז ג. געוואָרן לערער אין סימפעראָפּאָלער רעגירונגס-שול. אָבער דאָ האָט ער זיך אויפגעהאַלטן נאָר אַ קורצע צייט, און אין 1868 זיך אַריבערגעטראָגן קיין אָדעס. דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי זיין פעטער, דעם נגיד יידל קעסעלמאַן, ביי וועלכן ער האָט — לויט י. רימיניק — „געזאָלט באַקומען אַ מאַטעריעלע שטיצע. די ערשטע צייט איז גאָלדפאַדען געווען זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט. שטענדיק אַן אויפגעלייגטער און אַ פריילעכער, איז גאָלדפאַדען געווען דער ליבלינג אין דער משפחה. באַזונדערס וואָרעם האָבן אים אויפגענומען קעסעלמאַנס קינדער. איינער פון זיי, יוסף, איז געווען אַ גוטער פּיאַניסט. ווי ס'ווערט דערציילט, האָט ער אַ סך מיטגעהאָלפן גאָלדפאַדענען ביים צוקלייבן מעלאָדיעס פאַר זיינע לידער. נאָר אויב די קינדער האָבן שטאַרק ליב געקראָגן גאָלדפאַדענען, האָבן אָבער דער פעטער מיט דער מומען אינגיכן אָנגעהויבן ווערן אומצופרידן. דערצו נאָך איז גאָלדפאַדען געווען אַ מענטש מיט גרויסע השגות און פאָדערונגען פונם לעבן. האָבנדיק דעם פעטער ביי דער זייט, האָט גאָלדפאַדען געקאָנט באמת אַ לעב טאָן פריי און זאָרגלאָז ווי ער האָט ליב געהאַט. פאַר דער צייט וואָס גאָלדפאַדען איז געווען, פלעגט די גאַנצע שטוב גיין כאַדאָראָם. זיין אויסטאַנצן און זיין אויסזינגען האָט גאָר קיין שיעור ניט געהאַט. זיין גרעסטער חסרון איז געווען דאָס, וואָס ער איז געווען אַ וויטראָפּאָל. יידל [דער פעטער] האָט מיט אים דערפאַר טאַקע אָפט געהאַט צו טאָן, פאַרוואָס ער טראַכט ניט וועגן אַ תכלית. ווי דער טאָג פלעגט זיין גרוים — פלעגט ער איבערליגן מיט לינעצקין און בערנשטיינען אין סטעפּ און שרייבן לידלעך. די נעכט פלעגט ער אויסזיין וואו אַ טעאַטער. ער האָט זיך געקאָנט פאַרגינען קומען ביינאַכט 2-3 אַ זייגער אויף אַ איזוואָזטשיק און אויפהייבן אַזאַ גערודער, אַז די גאַנצע שטוב איז געגאַנגען כאַדאָראָם".

ביים פעטער מיט דער מומען האָט זיך געשאַפן אַן אומצופרידנקייט. באַזונדערס נאָכדעם ווי ס'האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט פון זייער פּלאַן חתונה צו מאַכן ג. מיט זייער טאָכטער. ג. האָט אַ באַליידיקטער פאַרלאָזט זייער הויז און אָנגעהויבן אָפטער באַזוכן די פאַמיליע פון דעם העברעאישן דיכטער אליהו מרדכי ווערבעל (אַן אָדעסער אינטעליגענט, וועלכער האָט געשטאַמט פון גאַליציע און האָט זיך געדרוקט אין „המליץ" און „הבוקר אור" און האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג העברעאישע לידער), מיט וועמענס טאָכטער פּאַולינאַ, ער האָט שפּעטער חתונה.

דאָ, ווי אויך אין דער סביבה פון דער אָרטיקער יידישער צייטשריפט „קול מבשר" געפינט ג. דערמוטיקונג אין זיינע ליטעראַרישע נייגונגען.

אין 1869 דרוקט ג. אין אָדעס אַ זאַמלונג: „דיא יודענע, פאַרשיעדענע געדיכטע און טהעאַטער אין פּראָסט יודעשען פון אברהם גאָלדפאַדען (דער מחבר פינעם יודעלע)". אין דאָזיקן ביכל איז פאַראַן ג.'ס ערשטער שריט צו דער דראַמע: — דער דראַמאַטישער עסקיז „צוויי שכנות" און אַ שטייגער-קאָמעדיע „דיא מוהמע סאָסיע". דאָס ביכל האָט געהאַט אַזאַ דערפאָלג, אַז דריי יאָר שפּעטער איז עס אַרויס אין אַ צווייטער אויפלאַגע.

בעת דר. י. שאַצקי האַלט, אַז „די מוהמע סאָסיע" איז אַ פאַריידישונג פון אַ פראַנצויזישן וואָדעוויל, און ב. גאָרין געפינט, אַז די קאָמעדיע איז געשריבן אונטערן איינפלוס פון עטינגערס „סערקעלע", באַמערקט דער רוסיש-יידישער זשורנאַליסט א. יאַמפּאָלסקי, אַז דער גרויסער דערפאָלג אין אָדעס האָט זיך גענומען פון דעם „וואָס די טיפּן פון דערדאָזיקער קאָמעדיע זיינען גענומען

פון אָרטיקן (אָדעסער) יידישן לעבן". געשטיצט אויף עדות, שילדערט י. רימיניק אין זיין „צו דער געשיכטע פון גאָלדפאַדנס „מומע סאָסיע" [אין „שריפטן", קיעוו, 1928, זז. 43-337] די אנטשטייאונג פון דערדאָזיקער קאָמעדיע, וועלכע איז דורך ג. אויסגעאַרבעט געוואָרן אויפן יסוד פון זיינע אייגענע איבערלעבענישן ביי זיין פעטער יידל קעסעלמאַן אין שטוב:

שער־בלאַט פון א. גאָלדפאַדענס „דיא יודענע" (אָדעס 1869). געפינט זיך אין מאָסקווער לענין־ביבליאָטעק.

„די טיפּן פון דער קאָמעדיע זיינען פערזאָנאָפיצירט פון די בני־בית, אריינגענומען אויך ג. אַלס העלד. צו דיווירקלעכע פּאַסירונגען זיינען צוגעגעבן געוואָרן אַ טייל וואָדעוויל־אַרטיקע פּרטים. דערביי מערקט זיך אויך אַ געוויסע השפּעה פון עטינגערס „סערקעלע"."

בעת ג. איז שפּעטער מיט זיין טרופּע געקומען אין אָדעס, האָט ער דידאָזיקע קאָמעדיע ניט געשפּילט מחמת דעם, וואָס די פּראָטאָטיפּן פון דער קאָמעדיע האָבן זיך געפונען אין שטאָט.

נאָכדעם ווי „דיא מוהמע סאָסיע" איז אַזוי גוט אויפגענומען געוואָרן האָט ג. אָפּגעדרוקט אין „קול מבשר" (נומער 44, 1871): „פּאַליגע [„פּאַלגע" רופט מען אין יענעם געגנט אַ שניידער] שכור, אַ טרינק־ליד פון אַ שניידערל פון מיין וואָדעוויל די וויבאָרעס פון גובערנסקן רב", אַ פראַגמענט פון אַ דראַמאַטישן פּרוב, וועלכן ער האָט קיינמאָל ניט פאַרענדיקט.

די סביבה פון שרייבער (ש. בערנשטיין, אולריך קאַלמוס, ש. טראַכטמאַן) און בפרט זיין עפנטלעכער אַרויסטריט מיט זיינע ווערק פאַר דעם אינטעליגענטן אָדעסער פּובליקום, וואָס האָט זיך געקרוינט מיט דעם גרעסטן דערפאָלג (ווי ג. אַליין דערציילט) האָבן געשטאַרקט אין אים דעם ווילן צום שרייבן. אָבער זיין מאַטעריעלע לאַגע אין אָדעס איז געווען אַ שווערע: 18 רובל אַ חודש פאַר אַ פאַרהייראַטן מאַן איז געווען מער ווי באַשיידן, וואַרפט ער אַוועק לערעריי און ווערט צוערשט אַ קאַסירער אין אַ הוט־מאַגאַזין, שפּעטער אַליין בעל־הבית פון אַ הוט־מאַגאַזין, האַנדעלט אַ געוויסע צייט „גרויס" און — „ער זעצט אָן 80 טויזנט רובל, און ווען ס׳פלעגן קומען צו אים בעלי־חובות מאָנען, פלעגט ער זיי זינגען לידלעך, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט. אָט די מדה פון זינגען לידלעך האָט גאָלדפאַדען נאָך געהאַט ווען ער האָט געלערנט אין דער ראַבינער־שולע. ער פלעגט אָפט דאָרט זינגען אייגענע

פאַראַדישע לידלעך אויף די לערער. אָבער אָפט פלעגט ער אויך פאַרפאַסן און **באַלד זינגען פאַרנאָגראַפישע** לידלעך. פאַרשטייט זיך, אַז זיינע בעלי־חובות האָבן זיך מיט די לידלעך נישט באַנוגנט און ווען גאָלדפאַדען האָט געזען, אַז זיי ווערן ערנסטער און דראָענדיקער, האָט ער געמאַכט פיס פון רוסלאַנד" [יצחק ליבערסקאָ אין זיינע זכרונות אין ז. זילבערצווייגס „הינטערן פאָרהאַנג", ווילנע 1928].

אין 1875 פאָרט ג. קיין מינכען, וואו ער וויל שטודירן אויף דאָקטאָר. אָבער צוליב געוויסע מניעות וואַרפט ער אַוועק זיין ווייטערדיקן שטודיום און פאָרט קיין לעמבערג מיטן געדאַנק זיך צו ווידמען דער ליטעראַטור.

אין לעמבערג באַגעגנט זיך ג. מיט זיין יוגנט־חבר י. י. לינעצקי און ביידע גיבן דאָ אַרויס דאָס וואָכנבלאַט „ישראליק" [דערשינען פון 23 יולי 1875 ביז 2 פעברואַר 1876], וועלכעס צייכנט זיך אויס מיט אַ ראַדיקאַלער שטעלונג צו דער שפּראַכן־פראַגע.

אברהם פישזאָן גיט איבער אין זיינע מעמוארן, אַז בעת ג. האָט באַזוכט רוסלאַנד כדי צו שאַפן אַבאָנענטן פאַר זיין בלאַט „ישראליק" (אַרויסגעגעבן אין לעמבערג), האָט ער אין זשיטאָמיר זיך געטראָפן מיט ג. בעת זיינע (פישזאָנס) און גראַדנערס „יידישע קאָנצערטן", און דאָ האָט אים ג. געגעבן זיין פעליעטאָן [?] „די מומע סאָסיע", וועלכן פישזאָן האָט באַלד דערויף אויפגעפירט אַלס פּיעסע [אַ סצענע?].

פישזאָן דערציילט: „מיט טרערן אין די אויגן, זאָגט ער [גאָלדפאַדען, נאָכדעם ווי ער האָט געזען די פאָרשטעלונג]: — דאַנקען גאָט וואָס איך האָב דערלעבט צו זען מיינע שטומע ווערטער לעבעדיק. ס׳איז ביי מיר דער גרעסטער יום־טוב אין לעבן. זיי ווערן לעבן. איצט ווייס איך שוין, אַז מיינע ווערטער וועלן לעבן. איר האָט אַריינגעבלאָזן אין זיי אַ רוח חיים.

„ער [גאָלדפאַדען] האָט באַקומען אין אַ קאָנווערט 100 רובל האָנאָראַר. דאָס איז געווען דער ערשטער האָנאָראַר. ער איז געווען אַזוי דערפרייט, אַז ער האָט אונז [פישזאָן און גראַדנער] באַלד געגעבן נאָך אַ פּיעסע אין 3 אַקטן: „אין דער ראָטע" [„די רעקרוטן"?].

[דערמיט וויל פישזאָן פעסטשטעלן, אַז ער האָט דער ערשטער געשפּילט יידיש טעאַטער נאָך איידער גאָלדפאַדען האָט אָנגעהויבן אין רומעניע. פישזאָן האָט אפילו אָן אַפּיש פון יענער צייט].

ש. ל. ציטראָן דערציילט אין זיין בוך „דריי ליטעראַרישע דורות": „נאָך זיצנדיק אויף דער באַנק פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול האָט ער [גאָלדפאַדען] אָנגעשריבן זיין ערשטע קאָמעדיע אין 4 אַקטן „די מומע סאָסיע", וועלכע איז אין ענגען קרייז פון צושויער פאָרגעשטעלט געוואָרן אויף דער בינע דורך אים און זיינע חברים. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז לויט זיין איניציאַטיוו האָט זיך געגרינדעט צווישן די תלמידים פון ראַבינער־שול אַ קליינער קרייזל „ליבהאָבער פון דראַמאַטישער קונסט". דערדאָזיקער קרייזל האָט אַמאָל אויפגעפירט מיט גאָלדפאַדענען אין דער הויפּטראָל דעם דר. שלמה עטינגערס שטיק „סערקעלע". פון דאַמאָלט אָן האָט גאָלדפאַדען אָנגעהויבן חלומען וועגן אַ יידישן טעאַטער".

אין לעמבערג האָט ג. „געהאַט גענוג געלעגנהייט זיך אָנצוקוקן און אָנצוהערן מיט די בעסטע דראַמען און אָפּערן, פּוילישע, רוסישע, דייטשע, פון אַלע קלענסטע אָפּערעטן ביז אין די באַרימטסטע ווערדיס, מייערבערס, הלויס און אין ווין האָב איך זאָגאַר געהאַט די געלעגנהייט צו זען אין אָפּערן־טעאַטער אַלע וואַגנערישע שפּילן. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זען און הערן די בעסטע אַרטיסטן פון יענער צייט, ניט נאָר ראָסי, סאַלוויני" [אברהם גאָלדפאַדענס „אויטאָביאָגראַפיע"].

1876 טראַגט זיך איבער ג. קיין טשערנאָוויץ (בוקאָווינע), וואו ער גיט אַרויס דאָס וואָכנבלאַט „דאָס בוקאָווינער איזראַעליטישע פאָלקס־בלאַט“. [אויף אַן אָנפרעג פון ד. י. זילבערבוש פאַרוואָס ג. איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט לינעצקין, ענטפערט ג.: „אָבער איר דאַרפט נישט פאַרגעסן, אַז יצחק יואל איז אַ מיוחסל, אַ רבניש קינד, דער זון פון וויניצער רב, און איך אברהמלע גאָלדענפאָדים, בין אַ פשוטער בשר ודם, דאָס קינד פון אַ בעל־מלאכה, דער זון פון חיים ליפאַ דעם זייגער־מאַכער אין אַלט־קאָנסטאַנטין. איך אַליין האָב יונגלווייז ביי מיין טאַטן אויך געלערנט זיין מלאכה“.] אָבער דאָס וואָכנבלאַט עקזיסטירט נאָר אַ פערטל יאָר, מחמת — ווי ג. ווייזט אָן — „די ווייניקע בוקאָווינער יידן האָט דער זשאַרגאָן ווייניק געשמעקט“.

ג.'ס מאַטעריעלע לאַגע אין טשערנאָוויץ איז געווען זייער אַ שווערע. יצחק ליברעסקאָ, וועלכער איז געווען אין יאַסי דער נישט־האָנאָרירטער אַגענט פון ג.'ס וואָכנבלאַט, דערציילט אין זיינע זכרונות: „דורכשניטלעך האָב איך יעדן טאָג געמאַכט איין אַבאָנענט און תיכף דערויף צוגעשיקט דעם גולדן אַבאָנעמענט־געלט. ווי גאָלדפאַדענס פרוי, פּאָליע, האָט מיר שפּעטער דערציילט, איז געווען אַ צייט ווען מיט די גולדנס האָב איך זיי ממש אויפגעהאַלטן.

„ווען גאָלדפאַדען האָט געזען וואָס פאַר אַן אַגענט ער האָט אין מיר און אַז יאַס נעמט אַ שיין ביסל עקזעמפּליאַרן פון זיין בלאַט, שרייבט ער מיר איינמאָל בערך אַזאַ בריוול:

אומבאַקאַנטער פריינט ליברעסקאָ!

מיין בלאַט וואָלט זייער גוט אַוועק, נאָר דאָס וואָס יעדעס מאָל מוז איך ענדערן דעם נאָמען, דערהרגעט דאָס געשעפט. ווידער, אַרויסגעבן כסדר אונטער איין נאָמען קאָן איך נישט, מחמת כ'האָב נישט קיין 3000 גולדן אויף אַריינצוטראָגן קויציע, אָבער אַזוי ווי אין יאַסי איז נישטאָ קיין געזעץ, אַז מען מוז אַריינטראָגן 3000 גולדן אויף קויציע, דאָרט קאָן מען פריי אַרויסגעבן אַ בלאַט, בעט איך אייך, אַז איר זאָלט מיר שרייבן אויב עס איז נישט גלייך דאָס צו טאָן און אפשר וואָלט איר מיך אַראָפּגעבראַכט קיין יאַסי.“

ליברעסקאָ האָט באַלד אַדויסגעשיקט אויף הוצאות און ג. איז אין הערבסט 1876 געקומען אין יאַסי, וואו ער איז ביי דער באַן אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד דורך אַ גרעסערער גרופּע משכילים. באַלד דערויף איז דאָ געגרינדעט געוואָרן אַ פאַריין „חוטי הזהב“ (גאָלדענפאָדים) און ג. איז באַשטימט געוואָרן אַלס ערן־פּרעזידענט. כדי אָבער נישט צו צעברעקלען דעם עקזיסטירנדיקן פאַריין „לבנון“, איז דער ניי געגרינדעטער פאַריין באַלד אַנולירט געוואָרן און ג. איז נאָמינירט געוואָרן אַלס ערן־פּרעזידענט פון פאַריין „לבנון“.

נאָכן זיצן 2 וואָכן ביי ליברעסקאָן איז ג. מסכים, פאַרן האָנאָראַר פון 100 פראַנק, פּאָרצולייענען זיינע ווערק אין שמעון מאַרקס גערטנדל אין וועלכן צוויי בראָדערזינגער, ישראל גראַדנער און משה פינקעל, פלעגן זינגען פאַרשיידענע לידער, דערונטער אויך ג.'ס.

ג. שילדערט אַזוי זיין אויפטריט: „שמעון מאַרק האָט זיך אָבער אויך נישט גענאַרט, ער האָט געמאַכט אַ גוט געשעפט. ער האָט די נאַכט געשטעלט אַ גרויסן „אַנטרע“ און זיין גאָרטן איז געווען פול, איבערפול, אָנגעשטאָפּט מיט... זעט איר, מיט וואָס, קאָן איך אייך שוין נישט זאָגן — צי מיט מענטשן, צי מיט חיות, צי מיט בהמות, ווייל קוים בין איך דערשינען אויף דער בינע און האָב אָנגעפאַנגען צו דעקלאַמירן מיין באַקאַנטע פּאָעמע „דאָס פּינטעלע ייד“, האָט אין גאָרטן געהערשט אַ טיפע טויט־שטילקייט. וואַרשיינלעך, טראַכט איך מיר, ווייל אַנשטאָט אַ לידל־זינגער מיט שיך און זאָקן, האָבן זיי פּלוצלינג געזען שטיין פאַר זיך עפּעס אַן עלעגאַנטן „פריץ“ אין אַ פראַק, און מיין ערנסטע מינע האָט זיי וואַרשיינלעך איינגעפלעסט אַ מין רעספּעקט און זיי האַלטן איין דעם אָטעם זיך אויפמערקזאַם צו־צוהערן צו די ווערטער. איך האָב דעקלאַמירט הויך, אָנגענעם, מיט עקסטאַז. איך ענדיק דאָס געדיכט, דער עולם שווייגט. איך פאַרנייג זיך, מען שווייגט. איך גיי אַוועק, מען שווייגט!

„נאַ! — האָב איך געקלערט, — אפשר איז דעם פּובליקום שווער צו באַגרייפן, אָדער אפשר האָט ער קיין לוסט נישט צו ערנסטע פּאַטריאָטישע געדיכטע. איך וועל אַרויסגיין דעקלאַמירן איינס פון מיינע געלונגענסטע הומאָריסטיש־סאַטירישע געדיכטע „דער מלאך“. איך זאָג אָפּ די ערשטע אָפּטיילונג „די יונגע נשמה“, — מען שווייגט. איך זאָג אָפּ „די אַלטע נשמה“, — מען שווייגט ווייטער. דאָס שווייגן וואָלט שוין גוט געווען, איך נייג מיך און גיי אַוועק... — ברידער! מען פייפט!“

ליברעסקאָ אין זיינע זכרונות שילדערט ג.'ס אַרויסטריט אַביסל אַנדערש: „דער אָוונט ווען גאָלדפאַדען איז אויפגעטראָטן, איז דער גאָרטן טאַקע געווען פול, אָבער גאָלדפאַדען האָט געהאַט אַ גרויסן מאָראַלישן דורכפאַל. גאָלדפאַדען אַליין האָט וועגן זיין דורכפאַל געשריבן, אָבער נישט דערציילט די ריכטיקע סבה פון דורכפאַל. באמת איז עס געקומען צוליב גאָלדפאַדענס שולד. ער האָט נישט געהאַט קיין קול צו זינגען פאַר אַ פּובליקום, און ער האָט זיך געשטעלט זינגען זיינע אייגענע לידער, וועלכע גראָדנער פלעגט פריער פאַרן זעלבן עולם זינגען מיט חן און אַ גוטן טעם. דער עולם איז געווען דעריבער זייער בייז. ערשטנס, וואָס זיי האָבן געצאָלט טייערע פרייזן פאַר די בילעטן. דאָס האָט שמעון מאַרק געמאַכט, כדי זיך אָפּצונעמען די 100 פראַנק, וועלכע ער האָט געגעבן גאָלדפאַדענען עקסטרע, והשנית, האָט דער עולם געקוקט אויף גאָלדפאַדענען, ווי אויף איינעם, וואָס שפּעט אָפּ פון אים, דעם עולם; און דעריבער איז ביי אַ טייל דער כעס געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן אים געוואָלט שלאָגן. גראָדנער מיט מיר האָבן קוים אָפּגעראַטעוועט גאָלדפאַדענען פון קלעפּ און איך האָב אים אַרויפגעזעצט אויף אַ דראָשקע און אָפּגעפירט צו זיך אַהיים.“

איצט האָט ג. באַשלאָסן ענערגיש צוצוטרעטן אַרויסצוגעבן זיין בלאַט. אָבער נאָך איידער ער איז אַרויס אין גאַס זאַמלען אַבאָנענטן, האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט דער פּלאַן פון גרינדן אַ יידיש טעאַטער.

ליברעסקאָ דערציילט וועגן דעם אין זיינע זכרונות: „גאָלדפאַדען איז שוין געשטאַנען אָנגעטאָן אין צילינדער און גענומען דעם שטעקן אין האַנט אַרויסצוגיין אין גאַס אַריין, רופט זיך פּלוצלינג אָן מיין פרוי צו אים:

— מאָסיע גאָלדפאַדען, אין בוקאַרעסט איז שוין פאַראַן אַ בלאַט „היועץ“. שטאַרבט דער רעדאַקטאָר זיבן מאָל אין טאָג פון הונגער. וואָס וועט איר אויפטאָן? איר וועט אויך אַרויסגעבן אַ בלאַט, וועט איר ביידע שטאַרבן פון הונגער. איר פאָלגט מיך בעסער, האַקט אָפּ פון דעם משוגעת. יידן פעלט אַ טעאַטער, נעמט זיך בעסער דערצו. איך האָב געלעזן פון אייך „די מומע סאָסיע“ אין 4 אַקטן, — עס איז אַקוראַט ווי צום שפּילן, נאָר איר האָט עס געמאַכט בלויז צום לייענען, קאָנט איר עס דאָך מאַכן טאַקע צום שפּילן. איך מיין אַ יידיש טעאַטער, אַקוראַט ווי ביי גוים, נישט אַזוי ווי גראָדנער און פינקעל מאַכן. —

„ווען מיין ווייב האָט געענדיקט ריידן, האָט גאָלדפאַדען אַוועקגעשטעלט דעם שטעקן, אויסגעטאָן דעם הוט און געזאָגט צו מיר:

— איר ווייסט, ליברעסקאָ, אייער ווייב האָט מיר געגעבן אַן אידעע. מ'וועט שאַרן „נאַפּאָלעאָנס“ מיט לאָפּאַטעס. —

„מיר האָבן געשיקט רופן גראָדנערן און אים דערציילט דעם פּלאַן וועגן שפּילן טעאַטער. גראָדנער האָט מסכים געווען און געזאָגט,

אַז רומענישע אַקטיאָרן, וואָס פלעגן אים קומען הערן, האָבן אים אָפט געקושט און געבעטן, אַז ער זאָל מאַכן אַ טעאַטער ווי ביי ליטן, נאָר ער האָט דאָס נישט געטאָן, וואָרום ער האָט ניט געהאַט וואָס צו שפּילן.

„גראַדנער האָט באַלד געבראַכט אַ גאַנצע חברה. ווער זיי זיינען געווען, געדענק איך ניט. גראַדנער אַליין האָט זיך אָפּגעגאָלט די וואָנסעס. עס איז אויך אונטערגעקומען אַ שיין יינגל, שכר גאָלדשטיין, אויב פּינקעל איז אויך געווען, געדענק איך ניט. אָבער ער איז זיכער אויך געווען פון די ערשטע. ער האָט געשפּילט צוזאַמען מיט גראַדנערן אין מאַרקס גאָרטן, נאָר, דאַכט זיך, אַז שפּעטער איז ער אַוועקגעפאָרן און פּינקעל איז ניט געווען ביי דער גרינדונג פון יידישן טעאַטער.

„גאָלדפאַדען אַליין האָט זיך באַלד באַגייסטערט פון דעם נייעם פּלאַן. ער האָט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן צוליב וואָס ער איז אייגנטלעך געקומען קיין יאַס, און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי מיר אין שטוב שרייבן אַ טעאַטער-שטיק. ער האָט שוין דאַמאָלט געהאַט פאַרטיק אייניקע לידער פון דער שפּעטערדיקער פּיעסע „די באָבע מיטן איניקל“ און ער האָט געמאַכט פון די לידער אַ גאַנץ טעאַטער-שטיק.“

דאָסדאָזיקע שטיק איז טאַקע באַלד איינשטודירט געוואָרן ביי ליבערסקאָן אין שטוב. דער קלעזמער, וועלכער האָט איינשטודירט די מוזיק, האָט געהייסן וועלוול דער גרויסער.

ג. אַליין שילדערט אַנדערש די אַנטשטייאונג פון יידישן טעאַטער:

„אין יענער צייט האָט זיך דאָס יאַסער יידישע פּובליקום אונטערהאַלטן מיט די לידער-זינגער, וועלכע פלעגן אין געוויסע סאַלאָנען פאָרטראָגן יידישע לידער, און אַזוי ווי די זינגער פלעגן פילע פון מיינע לידער אויך זינגען, האָט מיך די נייגירדע געטריבן צו זען וואָס פאַר אַ פּנים די לידער האָבן ביי יענעם אין מויל. און זיצנדיק איינמאָל אין אַזאַ סאַלאָן, איז מיר דאָס ערשטע מאָל געקומען אויף מיין מחשבה די אייגענע לידער צו פאַרבינדן מיט פּראָזאַ און מיט אַ קליינעם אינהאַלט אַלס טעאַטער-שטיק פאַר דעם פּובליקום פאָרצושטעלן.

„...איך האָב שוין פאַרגעסן, אַז דער צוועק פון מיין קומען דאַהער, איז גאָר צו גרינדן אַ יידישע צייטונג, און מיינע געדאַנקען און געפילן זיינען גאָר געווען באַשעפטיקט מיט איין וואונש: אַז איך זאָל זיין אימשטאַנד און האָבן די מעגלעכקייט צו רעאַליזירן מיין חלום.

„...מיין פּלאַן איז פאַרטיק געוואָרן און אום חול-המועד סוכות האָב איך געלייגט דעם גרונדשטיין פון „יידישן טעאַטער“.“

ג. האָט זיך איבערגערעדט וועגן דעם מיט גראַדנערן. און הגם גראַדנער — ווי ער האָט דערקלערט, — „מיט נאָך אַנדערע לידער-זינגער האָבן שוין געפּרובט צונויפשטעלן אַזאַ מין זאַך ווי צ״ב „דער טאַבאַק-מאַכער“, „דאָס אָדעסער ווייבל“, „דער רעקרוט“, אָבער ס'האָט דעם עולם זייער ווייניק באַגייסטערט“, איז אים דער פּלאַן געפעלן געוואָרן און גאָלדפאַדען איז צוגעטראָטן „שרייבן“ אַ טעאַטער-שטיק.

וועגן דעם דערציילט ג. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע „דער אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער“ פון שלום פּערלמוטער אין פילאַדעלפיער „די אידישע וועלט“: „איך האָב באַלד מיט גראַדנערן איבערגערעדט וועגן דער אידעע פון אַ צווייאַקטיקעס שטיק. איך דריק מיך אויס „איבערגערעדט“, נישט אָנגעשריבן, ווייל שרייבן אַ שטיק, אָדער אַ ראָלע, איז נישט געווען וואָס און פאַר וועמען. אַבי מען האָט אויסווייניק געוואוסט די אידעע, האָט מען שוין געקאָנט קנאַקן דערנאָך וואָס עס איז געקומען אין מויל אַריין פאַר אַ ווערטער—אַבי דאָס וויכטיקסטע, דער קרן איז נאָר געווען. און דאָס האָט געמיינט — דאָס פאַרטיקע לידל מיטן טאַנץ. איך האָב גראַדנערן פאָרגעלייגט, אַז אום צו ריידן עפּעס פּראָזאַ אויף דער בינע, מוז מען האָבן מיט וועמען צו ריידן; צו זיך אַליין קאָן מען דאָך ניט ריידן. עס דאַרפן זיין כאָטש נאָך אַ פּאָר מענטשן אַ חוץ אים. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אַ חבר, וועלכער העלפט אים אַרויס פון צייט צו צייט. ער איז אַ בעל-מלאכה, אָבער ער דענקט, אַז ער האָט אַביסל טאַלאַנט. ער איז אַוועק און מיר געבראַכט אַ יינגל מיטן נאָמען שכר גאָלדשטיין. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט דאָס יינגל אַוועקגערופן פון דער אַרבעט (ער האָט געאַרבעט ביי אַ זאָטלמאַכער). איך האָב דעם יונג באַטראַכט און האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז לויט זיין יונג פּנימל, וואָלט ער געקאָנט טויגן צו פרויען-ראָלן. און צוזאַמען מיט שכר גאָלדשטיין, האָט ער מיר אויך געבראַכט נאָך אַ גאַסן-יונגל, אָן אַ נאָמען. איך האָב באַלד אַוועקגעזעצט גראַדנערן און גאָלדשטיינען נעבן מיר, זיי אָנגעשריבן עטלעכע ערנסטע און קאָמישע לידלעך, וואָס זיי האָבן זיי טאַקע באַלד איינשטודירט און איך האָב זיי אָנגעזאָגט וואָס זיי האָבן צו טאָן און וואָס זיי האָבן צו ריידן. וועלן זיי נישט געדענקען אַקוראַט, מעגן זיי צולייגן זייערע ווערטער — וואָס ס'וועט זיי קומען אין מויל אַריין. זיי דאַרפן נאָר וויסן ווען זיך צו קושן, ווען זיך צו שלאָגן און ווען זיך איבערצובעטן און טאַנצן. מיר האָבן באַלד, שוין טאַקע אין שטוב, געמאַכט פּראָבע, און ס'איז אַרויס, צו מיינע צרות, אַ צווייאַקטיקעס שטיק. אַ שטיק... איך ווייס אַליין נישט וואָס! אַ מין דולעניש, אַן אומזין, אַ קאַלאַטוכע, אַז איך געדענק אפילו ניט וואָס פאַר אַ נאָמען דאָס האָט געהאַט.“

דאָס „שטיק“ האָט מען געשפּילט 2 טעג [בערך 5-8 אָקטאָבער 1876]. דער עולם האָט אָנגעקוואָלן, אָבער די „פּיעסע“ איז באַלד באַגראָבן געוואָרן אין אַרכיוו.

דער סוזשעט פון „שטיק“ איז געדרוקט אין ג.'ס אויטאָביאָגראַפיע.

די צווייטע „פּיעסע“, וועלכע האָט אויך געזאָלט געשפּילט ווערן פון גראַדנער און גאָלדשטיין, האָט ג. צונויפגעשטעלט פון זיינע צוויי לידער „די חסידה“ און „שלאָף מיין קינד“. אָבער אַזוי ווי ס'איז שוין געווען נאָך סוכות און אין שמעון מאַרקס גאָרטן האָט מען מער ניט געקאָנט שפּילן, [דעם זאָל פון אַ געוויסן זעליג ריישער האָט מען ניט געקאָנט באַקומען, ווייל ריישער האָט זיך אָפּגעזאָגט אים „צו לאָזן באַשמוצן מיט יידישע זינגער“], דערייבער איז געבליבן, אַז ג. מיט די אַקטיאָרן פאָרן קיין באָטושאַן, אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון דער געזעלשאַפט „לבנון“, וועלכע האָט דאָרט געהאַט אירע אַן אָפּטיילונג. צוזאַמען מיט ג. זיינען געפאָרן גראַדנער, גאָלדשטיין, אהרן ראָזענבלום, אַ געוויסער איינבינדער שוואַרץ און נאָך אייניקע, פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז באַלד דערויף אַוועק פון יידישן טעאַטער.

אין באָטושאַן, וואו עס האָט דעמאָלט געלעבט אַ גרויסע צאָל גאַליציאַנער אידן, וועלכע האָבן שוין פריער דאָרט באַזוכט די בראָדערזינגער, האָט ג. געדונגען אַ גרויס טעאַטער צום שפּילן, אָבער באַלד רוקט זיך אונטער די רומענישע רעקרוטירונג פאַר סאָלדאַטן, און ג. מיט זיינע אַקטיאָרן מוזן זיך באַהאַלטן אויף אַ בוידעם, וואו זיי נעמען זיך צוגרייטן רעפּערטואַר אויף נאָך „דער רעקרוטירונג-בהלה“. דאָ האָט ג. דערציילט זיינע אַקטיאָרן דעם סוזשעט פון „די קאַץ און דער ברונעם“ (גענומען פון זיין שווער ווערבעלס דערציילונג „עדים נאמים“, וואָס האָט שפּעטער אויך געדינט אַלס יסוד פאַר ג.'ס אָפּערעטע „שולמית“), אָבער ער האָט באַלד איינגעזען, אַז זיין טרופּע קאָן אַזאַ פּיעסע נאָך ניט אויפירן. ג. לייענט נאָך פאַר זיי זיין קאָמעדיע „די מומע סאָסיע“,

אָבער אַזוי ווי די קאָמעדיע פאָדערט אַ פּערסאָנאַל פון 4 פרויען און 12 מענער, מוז מען אויך פון דעם פּאָרלויפיק זיך אָפּזאָגן.

ג. באַשליסט איצט אָנצושרייבן אַ סאָלאָ-שפּיל וועגן אַ רעקרוט. „אין דער ראָלע — שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — קאָן אַ טיכטיקער קאָמיקער באַווייזן זיין טאַלאַנט איינער אַליין און עס זאָל דויערן פאַסט אַ שטונדע, ווערנד ער מאַכט נאָך די אומגעלומפּענהייט [אומגעלומפּערטקייט] פון אַ רויען, ווילדן בויער, ווערנד מען פאַנגט אים אָן צו לערנען די אָנפאַנג-רעגולן פון דער דיסציפּלין“. גראַדנער האָט אים תיכף דערקלערט, אַז ער קען אַזאַ טיפּ און האָט באַלד פאַר אים „פאָרגעשטעלט“ אַ קאָמישן טיפּ פון אַ יידישן רעקרוט [ווי ג. גיט אָן, איז דאָס געווען וועלוועל זבאַרזשערס אַ שיין הומאָריסטיש ליד „דער יידישער סאָלדאַט“, אין וועלכן דער יידישער סאָלדאַט רעכנט אויס זיין יחוס און קלאָגט זיך, אַז אַזאַ כשר קינד פון אַזאַ משפּחה, דאַרף זיין אַ סאָלדאַט. גראַדנער (ווי די אַנדערע בראָדערזינגער) פלעגט עס זינגען, פאַרקליידט אַלס סאָלדאַט מיטן נאָמען „חיים שעיה קאָטער“].

אָט דאָס ליד פון זבאַרזשער האָט געפירט ג.'ן צו דער אידעע צו מאַכן אַ דריי-אַקטיקע אָפּערעטע מיטן נאָמען „די רעקרוטן“, אין וועלכער ס'פיגורירן אויך אַ פרוי און אייניקע נעבן-ראָליסטן. צו דער אָפּערעטע האָט ג. גענוצט אויך אייניקע פון זיינע פריער פאַרפאַסטע לידער (ווי „דאָס חסידישע מיליטער“ אָדער „רבונו של עולם, הוראַ!“, „פונם יידישן טשאַסאָוואָי“ [וועכטער], „חטא אידיאָט“ א. א.).

אין משך פון די אייניקע וואָכן, בעת וועלכע ג. מיט זיין טרופּע האָבן אין באָטושאַן איבערגעוואַרט די בהלה, האָט ג. אָנגעשריבן לידער פאַר דער אָפּערעטע, אַ מאָנאָלאָג אין 2טן אַקט פאַרן הויפּטהעלד און דאָס איבריקע האָט ער די אַנטיילנעמער ד ע ר צ י י ל ט.

נאָך דער רעקרוטירונג זיינען „די רעקרוטן“ אויפגעפירט געוואָרן אין אַ טעאַטער.

ג. שילדערט דידאָזיקע פאָרשטעלונג אַזוי: „דאָס טעאַטער איז געווען פול. איך אַליין בין געשטאַנען, אַמאָל הינטער די קוליסן, אַמאָל האָב איך מיך אַריינגעכאַפּט אין סופליר-שטיבל און האָב סופלירט אַלץ אויסווייניק. דער עולם האָט אַפּלאָדירט. איבערהויפּט דעם לעצטן טאַנץ. דאָס טעאַטער — האָב איך געזאָגט — איז געווען פול, אָבער געלט איז געווען זייער ווייניק. נאָך אַלע חשבונות און רעכנונגען זיינען מיר אונזער ווירט נאָך שולדיק געבליבן עטלעכע הונדערט פראַנק. אין טעאַטער האָט מען מער ניט געקאָנט שפּילן, ווייל עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַזוינע שרעקלעכע רעגנס און בלאָטעס, אַז צום טעאַטער איז ניט געווען מעגלעך צוצוקומען. איך האָב געמוזט איבערלאָזן אין דער אכסניה פאַר אַ משכון מיין טרופּע, וועלכע איז באַשטאַנען, מישטיינס געזאָגט, פון די בידנע צוויי (אויב איך מעג זיי אָנרופן אַקטיאָרן), גראַדנער און גאָלדשטיין, און איך בין אַריינגעפאָרן קיין גאַלאַץ צו דינגען אַ לאָקאַל און באָרגן געלט צו באַציען אַהין מיין טרופּע.“

„די רעקרוטן“ זיינען אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע קיינמאָל ניט דערשינען; פראַגמענטן פון זיי און דער סוזשעט זיינען געדרוקט אין ג.'ס אויטאָביאָגראַפיע און איבערגעדרוקט אין ב. גאָרינס „געשיכטע פון אידישען טעאַטער“ (I, זז. 8-174).

אַ יאָר שפּעטער, ווען צו דער טרופּע איז צוגעקומען דער אַקטיאָר יעקב ספּיוואַקאָווסקי, וועלכער האָט אין „די רעקרוטען“ געשפּילט די ראָל „צדוק“, האָט ג. פאַר אים ספּעציעל צוגעשריבן אַ דעקלאַמאַציע, פּאַראָדירט לויט שילערס „די יונגפרוי פון אָרלעאַנס“.

וועגן דער ערשטער יידישער פאָרשטעלונג אין באָטושאַן, געפינען מיר אין ליבערסקאָס זכרונות: „עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָב איך באַקומען פון גאָלדפאַדען אַ בריוו, אַז „זיי זיינען אומגליקלעך“. אמת, אַז בינו לבינו איז אויסגעבראָכן אין לאַנד אַ גרויסע מהומה צוליב דער רוסיש-טערקישער מלחמה, אָבער איך מיין, אַז דער דורכפאַל אין באָטושאַן איז נישט געווען צוליב דעם, נאָר ווייל דאָס פובליקום איז געווען אומצופרידן פון דער טרופּע. גאָלדפאַדען האָט מיך אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן מיט בריוו, וואָס ער זאָל טאָן. ער האָט געבעטן נאָר אַן עצה, וואָרום געלט, האָט ער געוואוסט, קאָן ער נישט באַקומען. איך האָב באַלד דערויף געמאַכט אַ זיצונג פון דער יאַסער צענטראַלע פון „לבנון“ און מיר האָבן אַוועקגעשריבן צו אונזער פאַריין אין גאַלאַץ, אַז אַזוי ווי גאָלדפאַדען, אַ זייער באַגאַבטער מענטש, איז אין באָטושאַן אויף גרויסע צרות, וואָלט געווען זייער גלייך, אַז ער זאָל קומען קיין גאַלאַץ דאָרט שפּילן, און מיר בעטן, אַז מען זאָל אים דאָרט אונטערשטיצן. מ'האָט אויך אַרויסגעשיקט גאָלדפאַדענען מיט דער טרופּע אייניקע הונדערט פראַנק אויף הוצאות און די גאַנצע טרופּע איז געקומען קיין גאַלאַץ.“

ג. איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון פאַריין „לבנון“ דורך וועמעס הילף עס ווערט אין „האָטעל צוקער“ אויפגעבויט אַ פּראָוויזאָרישע בינע מיט דעקאָראַציעס, געמאָלט פון 60-יאָריקן משה באַס און פון ג.

דאָ האָט ג. זיך אויך באַקענט מיט זיין שפּעטערדיקן אַקטיאָר מאַקס קאַרפּ.

נאָכדעם ווי „די רעקרוטן“ זיינען דאָ געשפּילט געוואָרן [בערך פּורים 1877] 8-10 מאָל מיט אַ גרויסן דערפאָלג, האָט ג. צוגעטראַכט אַ וואָדעוויל אין 1 אַקטן מיט געזאַנג „דאָס בינטל האָלץ“, וואָס איז געשפּילט געוואָרן דורך גראַדנער און גאָלדשטיין.

דער סוזשעט פון דעם וואָדעוויל (וועלכער איז קיינמאָל ניט אַרויס אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע) געפינט זיך אין ג.'ס אויטאָביאָגראַפיע און אַ פולער מאַנוסקריפּט ביי ש. פּערלמוטער אין ניו-יאָרק.

כדי צו האָבן די מעגלעכקייט אויפצופירן גרעסערע פּיעסן, האָט ג. גענומען זוכן אַ פרוי, וועלכע זאָל מסכים זיין צו ווערן אַ יידישע אַקטריסע. ענדלעך האָט ער באַקומען אַ מיידל פון 16 יאָר („שרה האָט זי געהייסן. דעם פאַמיליען-נאָמען האָב איך פאַרגעסן“) [גאָלדפאַדען — אויטאָביאָגראַפיע. עס האַנדלט זיך וועגן שרה סיגאַל, שפּעטער סאָפיע גאָלדשטיין-קאַרפּ]. אַזוי ווי איר מוטער האָט מורא געהאַט זי צו לאָזן פאָרן אַליין מיט מענער, האָט מען געשלאָסן אַ שדוך צווישן איר און דעם אַקטיאָר שכר גאָלדשטיין.

ג. באַשליסט איצט אָנצושרייבן אַ דראַמע. „איר קאָנט אייך גאָרנישט פאָרשטעלן, ליבע לעזער — שרייבט ג. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — ווי איך האָב מיך דאַמאָלט מחיה געווען מיט — ניט מיט דער מויד, נאָר מיט דער אידעע פון דעם נייעם שטיק, וואָס איז מיר איינגעפאַלן צו שרייבן. איך האָב מיך געוואָלט פאַקטיש אָן דעם פובליקום נוקם זיין זיך מיט דעם שטיק, ווייל איך בין שרעקלעך געווען אין כעס אויפן עולם, וואָס ער צווינגט מיך מיט גוואַלד, איך זאָל מאַכן אַ באַלאַגאַן פון מיין בינע. ניין, ברידער! אַז איך האָב יאָ אין מיינע הענט באַקומען אַ בינע, זאָל זי זיין אַ שולע פאַר אייך. איר, וואָס האָט קיין צייט געהאַט אין אייער יוגנט צו לערנען, צו בילדן זיך, זאָלט איר קומען צו מיר און זען ווי איך מאָל אייך אָפּ געטרייע בילדער פון לעבן, איר זאָלט אייך אַליין אַרויסזען ווי אין אַ שפּיגל מיט גוטע און שלעכטע זייטן, און איר זאָלט אייך נעמען אַ מוסר און אַליין אויסבעסערן אייערע פעלער, וואָס איר מאַכט צווישן זיך אין פאַמיליען-לעבן, סיי צווישן

זיך „יידן“ און סיי צווישן זיך און די „קריסטן“, וואָס איר וואוינט שטענדיק מיט זיי אין איינעם. ווען איר האָט געשמאַק געלאַכט און איר האָט אייך אונטערהאַלטן פון מיינע קאָמישע וויצן, האָט מיר דאַמאָלט דאָס האַרץ געוויינט אויף אייך קוקנדיק. יעצט, ברידער, נאַט אייך אַ דראַמע, אַ טראַגעדיע פונם לעבן, וויינט איר און מיין האַרץ וועט זיך דאַמאָלט פרייען.“

צוליב דעם וואָס די אַקטריסע האָט נאָך ניט געהאַט קיין שום בינע־דערפאַרונג, האָט ג. פאַר איר אָנגעשריבן אַ קליינע ראָל, מער צו „דערשיינען אויף דער בינע“ ווי אויף צו שפּילן. די נייע פּיעסע האָט ג. שוין פאַקטיש אָנגעשריבן און איר אַ נאָמען געגעבן „די אינטריגע“ אָדער „דוואָסי די ספּלעטניצע“ [פּליאַטקע־מאַכערין].

פון דער דראַמע, וועלכע איז שפּעטער פון ג. באַאַרבעט געוואָרן אַלס קאָמעדיע און איז אויך קיינמאָל ניט דערשינען אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע, איז אין ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע פאַראַן בלויז דער סוזשעט.

דאָס „פּערסאָנאַל“ לייענט זיך דאָרט אַזוי:

„די אינטריגע אָדער דוואָסי די פּליאָטקע־מאַכערין

רעאַליסטישע דראַמע אין 5 אַקטען פון א. גאָלדפאַדען

פּערזאָנען:

יאָזעף, אַ יונגער מאַן פון אַ יאָר 32............גראַדנער (דער ליטוואַק)
רחל׳ע, זיין פרוי, אַ יונג ווייבל פון 22 יאָר..........דאָס מיידל
[סאָפיע גאָלדשטיין־קאַרפּ]
הערשעלע, זייער קינד פון אַ יאָר אַכט..........מיר וועלן זען
[ד. ה. מ׳וועט שוין אָפּזוכן אַ קינד]
גוטמאַן, יאָזעפס יוגנט־פריינט..........אַ גאַסן־יינגל
[געמיינט אַ סטאַטיסט]
דוואָסי, זייער שכנה, אַ יידענע פון אַ יאָר 35..........גאָלדשטיין
חיים, רחלעס ברודער, אַ ייד פון אַ יאָר 40..........אַ גאַסן־יינגל
[געמיינט אַ סטאַטיסט]“

אין דערדאָזיקער פּיעסע האָט ג. אַריינגעשטעלט פאַר זיין אַקטריסע צוויי לייכטע נומערן געזאַנג: „אַ קוש־דועט“ און „אַ ליד“ ווי אויך אַן איבערזעצונג פון דעם דאַמאָלט פּאָפּולערן קופּלעט „מאַדאַם אַנגאָ“ פון לעקאָקס אָפּערעטע „די טאָכטער פון גהינום“.

ווי ג. גיט איבער, איז דאָס פּובליקום אין אַלגעמיין געווען צופרידן פון דער פאָרשטעלונג.

„גאַלאַץ, קאָן איך זאָגן, — שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, — איז די ערשטע שטאָט אויף אונזער רייזע, פון וועלכער מיר זיינען אַרויסגעפאָרן בשלום. דאָס הייסט: אויסער אַלע שפּעזן, וואָס מיר האָבן געהאַט אין פאַרלויף פון דעם מאָנאַט, בעלי־חובות באַצאָלט, געמאַכט די בינע און די גרויסע סומע, וואָס די ערשטע פּרימאַדאָנע, די כלה, האָט אונז געקאָסט, האָבן מיר נאָך יעדער במזומן אַ פּאָר פראַנק אין קעשענע; ווייל די קאַסע און קאָנטראָל זיינען איינגעשטאַנען אין די הענט פון אונזערע בראַווע פאַראיינס־ברידער „לבנון“, וועלכע האָבן געזען צו מאַכן די גרעסטע עקאָנאָמיע כדי עס זאָל אונז עפּעס בלייבן.“

ענלעך איז אויך ליברעסקאָס באַריכט וועגן דעם שפּילן אין גאַלאַץ: „דאָ האָט זי [די טרופּע] געשפּילט אין אַ גרויס טעאַטער און געהאַט דערפאָלג. די רומענישע פּרעסע האָט זייער געלויבט די פאָרשטעלונגען. די קריסטלעכע אַקטיאָרן פון רומענישן טעאַטער האָבן זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן אין דער פּרעסע.“

אָבער אַזוי ווי די טרופּע איז דאָרט שוין לאַנג געשטאַנען, איז מען פון גאַלאַץ געפאָרן קיין בראַאילאַ. (אָן דער אַקטריסע שרה,

וועלכע איר ברודער האָט ניט געלאָזט מיטפאָרן צוליב געוויסע פאָרמאַליטעטן). דאָ האָט מען אין דער ביר־האַלע פון „האָטעל ווייבעל“ געמאַכט אַ קליינע, פּראָוויזאָרישע בינע און אויפגעפירט „די רעקרוטן“, וועלכע האָבן אָנהייב אויסגענומען, אָבער נאָך אין זעלבן אָוונט איז געקומען צו אַ געשלעג צווישן פּובליקום צוליב אַ דעבאַטע וועגן דער טענדענץ פון דער קאָמעדיע, און דער אורטייל איז געווען, אַז די טרופּע שפּאָט אָפּ פון יידישן רעקרוט און דעריבער טאָר מען מער די קאָמעדיע ניט שפּילן. ג. האָט דערפאַר באַשלאָסן איינצואָרדנען אַן אָוונט מיט אַ פּראָגראַם אין 3 טיילן:

„1) אברהם גאָלדפאַדען וועט פּערזענלעך האַלטן אַ וויכטיקע רעדע צום פּובליקום.

2) אַ דיווערטיזמענט פון פאַרשיידענע פּאַטריאָטישע לידער.

3) צום שלום, אַ נייע אינטערעסאַנטע קאָמעדיע אין צוויי אַקטן מיט געזאַנג „די באָבע מיטן איניקל“.“

דעם סוזשעט פאַר דער נייער קאָמעדיע האָט ג. גענומען פון אַ פּאָפּולער רוסיש ליד, אין וועלכן אַ יונג רוסיש מיידל גיסט אויס פאַר איר געטרייער ניאַניע די געפילן פון איר געהיימער ליבע. ג. האָט דערפון געמאַכט אַ „פּאַראָדיע“ אין יידיש, מיט דער זעלבער מעלאָדיע, נאָר אַנשטאָט צו דער „ניאַניע“ האָט עס דאָ דאָס יידישע מיידל געזונגען צו איר אַלטער באָבען. אין דער יידישער באַאַרבעטונג האָט ג. די האַנדלונג פאַרטיילט צווישן 3 פּערזאָנען: „די באָבע“ (אַ ראָל פאַר גראַדנער), „דאָס איניקל“ (גאָלדשטיין) און „דער ליבהאָבער“ (ישראל וויינבלאַט, וועלכער איז דערווייל צוגעקומען צו דער טרופּע), האָט צוגעשריבן אַביסל „פּראָזע“, בעת דאָס ליד פון יידישן „איניקל“ צו דער „באָבע“ ווערט געזונגען מיט דער אָריגינעלער רוסישער מעלאָדיע. די קאָמעדיע איז באַלד אויפגעפירט געוואָרן און האָט זייער אויסגענומען. שפּעטער איז די קאָמעדיע דורך ג. באַאַרבעט געוואָרן אַלס מעלאָדראַמע אין 3 אַקטן און האָט באַקומען אַ דאָפּלטן נאָמען „דיא באָבע מיטין איינעקיל“ אָדער „באָנציע דיא קנייטלעכלייגערין“, און איז זייט 1879 דערשינען איניקע מאָל אין דרוק.

נאָכן אויפהאַלטן זיך 2 וואָכן אין בראַאילאַ, איז די טרופּע ווידער אַריין אין חובות. ג. לאָזט איבער די טרופּע אין האָטעל און פאָרט אָפּ קיין בוקאַרעסט, כדי צו שאַפן מיטלען אַהינצוברענגען די טרופּע.

לויט ליברעסקאָ איז אַ געוויסער לאַזאַר, אַן אייגנטימער פון אַ קאַפע־הויז אין בוקאַרעסט, ספּעציעל געפאָרן קיין בראַאילאַ און אויף זיינע הוצאות געבראַכט ג. מיט דער טרופּע קיין בוקאַרעסט.

ג. דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז ער האָט געשפּילט [נאָך פּסח 1877] אין בוקאַרעסט אויף אַ רעגולערער בינע ביי לאַזאַר קאַפּעדשוי אין סאַלאָן אויף סטראַדאַ קאַלעיאַ וואַקאַרעשט.

לויט אַן אַנאָנס אין בוקאַרעסטער „דער יודישער טעלעגראַף“ אין אַפּריל 1877 איז „גאָלדפאַדען פאַרבליבן אין בוקאַרעסט אויף 12 פאָרשטעלונגען מיט זיין באַרימטער טרופּע“.

ב. גאָרין גיט אָן, אַז „גאָלדפאַדען איז געקומען קיין בוקאַרעסט מיט אַ רעקאָמענדאַציע צו אַ געוויסן אהרן שנאַפּ, וועלכער האָט אים געהאָלפן צו קריגן דעם טעאַטער „זשיגניצע“ און ער האָט דאָרטן געשטעלט „די רעקרוטן“. מען האָט אין דעם דאָזיקן טעאַטער געשפּילט נאָר איין מאָל, און ביי יענער פאָרשטעלונג איז צוגעקומען נאָך אַן אַקטיאָר, [פּנחס] שאַפּיראָ. .. . נאָך דער דאָזיקער פאָרשטעלונג האָט גאָלדפאַדען גענומען אַ האָל [זאַל] ביי אַ געוויסן לאַזאַר.“

דעם 30 אַפּריל (א. ס.) 1877 האָט ג. דאָ אויפגעפירט „האָט זשע מיר אין זייט זשע מיר געזונד“, וואָדעוויל אין 1 אַקט. [לויט דר. שאַצקי — וואַרשיינלעך „די צוויי שכנות“].

אָבער אַ פּנים, אַז די געשעפטן זיינען אַזוי אַוועק, אַז ג. איז פאַרבליבן ווייטער שפּילן און גענומען פאַרשטאַרקן זיין טרופּע. בעת זיינע ערשטע 2 אַקטיאָרן האָבן געשטאַמט פון די פאָלקסזינגער, האָט ער איצט גענומען זוכן בינע-קרעפטן צווישן די משוררים.

ב. גאָרין שרייבט וועגן דעם: „אין יעדער שטאָט און שטעטל זיינען די משוררים געווען די פרייליכסטע קונדסים. אין אַ לוסטיקער געזעלשאַפט האָבן זיי נאָכגעקרימט און איבערגעמאַכט די תנועות און העוויות פון אָנגעזעענסטע בעלי-הבתים ווי אויך פון די חזנים. קיינער איז פאַר זיי נישט געווען צו חשוב, קיין זאַך איז פאַר זיי נישט געווען צו הייליק. ווען גאָלדפאַדען איז אָנגעקומען קיין בוקאַרעסט, איז דאָרטן דער חזן געווען דער באַוואוסטער קופּער. צווישן זיינע משוררים זיינען געווען זעליג מאָגולעסקאָ, לייזער צוקערמאַן, [משה] זילבערמאַן, [שמחה] דינמאַן [אָדער דילמאַן]. אין דער זעלבער צייט וואָס מאָגולעסקאָ, דאַמאָלט אַ ייִנגל פון זיבעצן יאָר און צוקערמאַן מיט אַ יאָר אָדער צוויי עלטער, זיינען געווען אָנגעשטעלט אַלס משוררים ביי קופּער, האָבן זיי אויך געזונגען אין אַ קירך. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער חזן און די בעלי-הבתים האָבן דערפון ניט געטאָרט וויסן. זיי האָבן אויך ישוין געהאַט געלעגנהייטן צו זינגען אַלס כאָריסטן אין אָפּערעס, און דאָס שפּילן, וואָס זיי האָבן געזען ביי די דאָזיקע געלעגנהייטן, האָט געמאַכט אויף מאָגולעסקאָ אַזאַ איינדרוק, אַז ווען מען פלעגט צו אַ שמחה פאַררופן די משוררים, פלעגט מאָגולעסקאָ אונטערהאַלטן דעם עולם ניט נאָר מיט זינגען, נאָר אויך מיט נאָכמאַכן געוויסע רומענישע אַקטיאָרן. אויך פלעגט ער אַזעלכע שטיקלעך וויזן ביים חזן אין הויז, ווען די משוררים און פיינע בעלי-הבתים פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן ביי אים אַ שבת-צו-נאַכט און דער עולם האָט פון זיי געלעקט די פינגער. דאָס האָט דערגרייכט צו גאָלדפאַדען און ער האָט תיכף נאָך זיין קומען קיין בוקאַרעסט געשיקט רופן צו זיך די אויבנדערמאָנטע פיר משוררים."

דאָס אַריינציען משוררים אין יידישן טעאַטער, האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ התנגדות מצד די מתפּללים. נישט קאָנענדיק באַשטראָפן די משוררים, האָט קהל אָפּגעזאָגט דעם חזן קופּער, וועלכער האָט ניט נאָר דערלאָזט, אַז זיינע משוררים זאָלן זינגען אין יידישן טעאַטער, נאָר פלעגט אויך אַליין באַזוכן דאָס טעאַטער. [דער אָפּזאָג, אין דער פאָרם ווי ער איז פאַרשריבן אין פּנקס פון דער גרויסער שול אין בוקאַרעסט, מיט אַ יידישער איבערזעצונג, איז אָפּגעדרוקט פון דר. מאיר בן אברהם הלוי אין „אַרכיוו פאַר יידיש טעאַטער", אַרויסגעגעבן פון „יוואָ".]

אויסער דידאָזיקע מענער האָט ג. זיך באַמיט צוצוציען אויך פרויען-כחות. אַזוי האָט ער געפּועלט, אַז זיינס אַן אַקטיאָרס פרוי, ראָזע, זאָל ווערן אַן אַקטריסע.

נאָכן אויפירן אין בוקאַרעסט דעם שוין געשפּילטן רעפּערטואַר (מיט ענדערונגען אין פּערסאָנאַל [לויט ב. גאָרין] פון „די באָבע מיטן אייניקל": גראַדנער — „די באָבע", וועלכער האָט שטאַרק אויסגענומען אַזוי, אַז „מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער, ווען די [יידישע] בינע האָט געציילט ניט וויניקער פרויען ווי מענער, האָבן די גרויסע קאָמיקער, ווען נאָר זיי האָבן געהאַט די געלעגנהייט, געשפּילט „די באָבע". מאָגולעסקאָ — „דאָס אייניקל", פּנחס שאַפּיראָ — „שדכן", משה זילבערמאַן — „דער לערער" און לייזער צוקערמאַן — „דער טערק", און פון „די אינטריגע": מאָגולעסקאָ — „רחלע" און דעם „זאַאיקע משרת" און ג א ָ ל ד פ אַ ד ע ן — די דראַמאַטישע ראָל) איז אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס אָפּערעטע אין 3 אַקטן „שמענדריק" [דיריגירט פון ציגיינער קאָסטאַקי].

הגם ג. באַמערקט כסדר, אַז „שמענדריק" איז זיינע אַן אָריגינעלע פּיעסע און בלויז די לידער פון „שמענדריקס כלה" האָט ער איבערזעצט פון רומענישע מעלאָדיעס, גיט אָן ב. גאָרין, געשטיצט אויף דערקלערונגען פון מאָגולעסקאָ און צוקערמאַן: „ביים פאַרהער האָט מאָגולעסקאָ פאָרגעשטעלט אַ סצענע פון דעם רומענישן שטיק „וולאַדוצו מאַמו" און דאָס איז געווען דער אָריגינאַל פון דער צוקינפטיקער פּיעסע „שמענדריק". גאָלדפאַדען [ען] איז געווען אַזוי געפעלן די פאָרשטעלונג, אַז ניט נאָר האָט ער צוגענומען מאָגולעסקאָ אין זיין טרופּע, נאָר ער האָט אים אויך צוגעזאָגט אַז ער וועט לאָזן דאָס שטיק איבערזעצן און דערפון וועט ער מאַכן אַ יידישע פּיעסע פאַר אים. . . . סיי דער פאַרשטאָרבענער מאָגולעסקאָ, סיי צוקערמאַן און סיי אַלע יענע, וואָס האָבן זיך פאַרבונדן מיט גאָלדפאַדען ביי זיין אָנקומען קיין בוקאַרעסט אָדער באַלד נאָכדעם, האָבן אַלע בפה אחד דערציילט, ווי אַזוי שמענדריק איז איבערגעמאַכט געוואָרן אויף זייערע אויגן פון „וולאַדוצו מאַמו". פון מאָגולעסקאָס רייד איז אויסגעקומען, אַז אים האָט גאָלדפאַדען געהאַט צו פאַרדאַנקען פאַר דעם דאָזיקן שטיק, און די אַנדערע, וואָס זיינען דערביי געווען, האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען, ווי גאָלדפאַדען האָט עס פאַרפאַסט [באַאַרבעט]. עס איז מערקווירדיק דערביי, וואָס די אַלע געדענקען גוט דעם נאָמען פון דעם אָריגינאַל, הגם צענדליקע[ר] יאָרן זיינען זייט דאַמאָלט אַריבער. עס קאָן דעריבער קיין שום ספק ניט זיין, אַז „שמענדריק" איז געשאַפן געוואָרן פון גאָלדפאַדען אין בוקאַרעסט באַלד נאָך זיין קומען אַהין, דאָס הייסט אין 1877. מיר מוזן דעריבער קומען צום שלוס, אַז דער „שמענדריק", וואָס איז געווען געדרוקט אין לעמבערג אין 1875, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אונטער אַ פאַלשן דאַטום."

ווי ב. גאָרין באַמערקט ווייטער — ווייזט דאָס לשון און די אויסלייגעכץ פון דער דאָזיקער אויסגאַבע, אַז די פּיעסע איז געשריבן [איבערגעשריבן] געוואָרן אין גאַליציע. די לעמבערגער אויסגאַבע (דרוק און פאַרלאַג פון ב. ל. נעכעלעס) גיט ניט אָן דעם נאָמען פון דעם פאַרפאַסער און מען דאַרף אָננעמען, אַז אָדער עס איז אַריינגעפאַלן אַ גרייז אין דאַטום אָדער דער דאַטום איז מיט אַ כיון פאַרגרייזט געוואָרן.

אין 1879 איז „שמענדריק" דערשינען אין דרוק אין אָדעס און איז זייט דאַמאָלט מערערע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן.

די קאָמעדיע איז מיט דער צייט געוואָרן איינע פון די אַממערסטן געשפּילטע פּיעסן אין יידישן רעפּערטואַר אין דער גאַנצער וועלט.

6 מוזיק-נומערן פון „שמענדריק", אַראַנזשירט פון יאָזעף רומשינסקי, זיינען דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני".

דעם 10 נאָוועמבער 1924 איז זי אין אַ מאָדיפיצירטער פאָרם: „יאָזעף רומשינסקיס נייע מוזיקאַלישע סענסיישאָן פון אברהם גאָלדפאַדענס „שמענדריק", גאַנץ ניי באַאַרבעט און אויפגעפירט פון יעקב קאַליך" [אַריינפירנדיק די פּערסאָנאַזשן און מוזיק פון ג.'ס אַנדערע פּיעסן] געשפּילט געוואָרן מיט מאַלי פּיקאָן אין דער טיטלראָל אין ניו-יאָרקער קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער.

נאָך „שמענדריק" האָט ג. אויפגעפירט זיין מעלאָדראַמע אין 5 אַקטן „די קאַפּריזנע כלה" אָדער „קבצנזאָהן עט הונגערמאַן", אין וועלכער פרוי ראָזע האָט נאָך מיטגעשפּילט, אָבער באַלד דערויף האָט זי זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע און די טרופּע איז ווידער געבליבן מיט בלויז מענער.

אויך דידאָזיקע פּיעסע איז שפּעטער אָפט געשפּילט געוואָרן פון יידישן טעאַטער איבער דער גאַנצער וועלט.

אין 1887 איז די פּיעסע געדרוקט געוואָרן אין וואַרשע און זייט דאַמאָלט דערשינען אין פאַרשיידענע אויפלאַגעס.

שער־בלאַט פון דער וואַרשעווער אויסגאַבע

דער דערפאָלג פון מאָגולעסקאָ, באַזונדערס אין דער טיטל-ראָל פון „שמענדריק", האָט אַרויסגערופן קנאה-געפילן ביי גראַדנערן, וועלכער הויבט אָן פאַרלאַנגען, אַז גאָלדפ. זאָל פאַר אים ספּעציעל שרייבן אַ דראַמע. ג. איבערזעצט דאַן קאָצעבוים „די וויסטע אינזל" אַ טראַגעדיע אין 2 אַקטן, וועלכע איז א״נ „דיווילדע אינזל" באַלד אויפגעפירט געוואָרן מיט גראַדנער אַלס „דער אייראָפּעער", שכר גאָלדשטיין אַלס „רעגינע" און מאָגולעסקאָ אַלס „די נעגערין". אָבער צוליב דעם וואָס מאָגולעסקאָ האָט אַ דערפאָלג אויך אין דער דאָזיקער ראָל, ברעכט אויס אַ סכסוך צווישן גראַדנער און מאָגולעסקאָ און גראַדנער טרעט אַרויס פון דער טרופּע.

גאָלדפ. גיט איבער, אַז אין יענער צייט האָט ער באַקומען אַן איינלאַדונג פון שמעון מאַרק אין יאַסי צו קומען אַהין מיט דער טרופּע. נישט האָבנדיק קיין חשק אַליין צו פאָרן, שיקט ער אַהין גראַדנערן, וועמען ער גיט אויך מיט אייניקע פון זיינע פּיעסן. גראַדנער האָט באַלד אָנגעהויבן שפּילן אין יאַסי צוזאַמען מיט ראָזע פרידמאַן, און צו זיי איז אויך צוגעקומען מאָגולעסקאָ, וועלכער איז דערווייל אַוועק פון גאָלדפאַדען.

שפּעטער האָט ג. אָנגעשריבן און אויפגעפירט „די שטומע כלה", „שוישפּיל אין 3 אַקטן מיט געזאַנג", אין וועלכער ס'טרעט ווידער אויף אַ פרוי כמעט אין אַ שטומער ראָל און ערשט ביי די שפּעטערדיקע פאָרשטעלונגען האָט זי אָנגעהויבן ריידן די „פּראָזע" פון איר קליינער ראָל.

דאָס ערשטע פּערסאָנאַל פון „די שטומע כלה" איז באַשטאַנען פון: שכר גאָלדשטיין („ברײנע"), פּנחס שאַפּיראָ („דער זיידע"), די נייע אַקטריסע [אויפן פּראָגראַם אָנגעגעבן מ—ל ראָזע] („חיה"), משה זילבערמאַן („לעאָן"), מעכעלע גליקמאַן („אייזיק-מאיר"), לייזער צוקערמאַן („צדוק").

די פּיעסע איז קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן. דער סוזשעט געפינט זיך אין ג.'ס אויטאָביאָגראַפיע. אַ מאַנוסקריפּט געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו-יאָרק.

דעם 12 מאַי א.ס.) 1877 האָט ג. דאָ אויפגעפירט „שמענדריק" אין אַ נייער באַאַרבעטונג („שמענדריק" — גאָלדיצע, „די כלה" — מ' צוקערמאַן).

ג. שילדערט אַזוי דעם דאַמאָלטדיקן מצב פון זיין טעאַטער: „דאָס נייע אַקטעריסעלע [גאָלדיצע] האָט שנעל פּראָגרעסירט אויף דער בינע, ווייל אַלס הפקר-קינד, נאָך פאַר דער בינע, איז זי געוואוינט געווען ניט צו שרעקן זיך אַזוי פאַר מענטשן, און האָט געהאַט מער מוט און חוצפּה. דערנאָך האָט זי געשפּילט „שמענדריק", וואו זי האָט זייער גוט קאָפּירט דעם אַנטלאָפענעם מאָגולעסקאָ. . . . [שפּעטער] איז שוין אַליין געקומען נאָך אַ פיין מיידל און האָט זיך אַנגאַזשירט, באָטש אויך נאָך אומוויסנד און רוי, האָב איך שוין געהאַט דריי פרויען פּערזאָנען, אַן אַקטיאָר איז אויך צוגעקומען. לייזער צוקערמאַן אַרבעט זיך אויס אַלס קאָמיקער. הכלל, אויף דער בינע ווערט פריילעך. דאָס טעאַטער האָט אָנגעהויבן אויפצולעבן. נאָר פּלוצים האָט זיך ערײיגנעט אַזאַ באַגעבנהייט, וואָס האָט צעשטערט אינגאַנצן מיין אַרבעט. אַ וואָלקן-בראָך האָט זיך אָנגערוקט און מיט זיין העפטיקן שטראָם האָט ער אַ פאַל געטאָן אויף אונז און האָט פאַרגאָסן, פאַרפלייצט מיינע אַלע פרישע, גרינע געוויקסע, וואָס האָט מיך געקאָסט אַזויפיל מי און ערגערניסע ביז איך האָב דאָס פאַרפלאַנצט, און האָב דאָס דערלעבט צו זען אַרויסצוואַקסן, צו בליען. קורץ, איך האָב געמוזט צעלאָזן מיין חדר. יעדער איז צוריק געבליבן ביי זיך אין דער היים און איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. איך בין געבליבן זיצן אַליין, פאַרצווייפלט, און האָב נישט געוואוסט וואָס אָנצופאַנגען. אינם טעאַטער האָט מען פאַרגעסן גלייך ווי ס'איז ניט געווען. דער סאַלאָן איז געבליבן פּוסט און דאָס אַלץ האָט פּאַסירט פּונקט אין יאָר 1877. דער רומענער אין יענער צייט האָט נישט גענומען קיין רעקרוטן צום מיליטער, נאָר ער האָט ג ע כ אַ פּ ט — קאָמיסיאָנען אין דער באַגלייטונג פון דער פּאָליציי האָבן זיך צעלאָזט איבער אַלע גאַסן פון דער שטאָט בוקאַרעסט און קוים האָט מען באַגעגנט אַ יונגנמאַן, האָט מען אים געכאַפּט און אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. . . . איבער דער מהומה האָט זיך שוין נאַטירלעך קיין יונגערמאַן געוויזן אויף דער גאַס. פלעגן די קאָמיסיעס באַפאַלן די שולן, די קאַפע-הייזער . . . דערפאַר האָבן אַלע יונגעלייט געמוזט פאַרלאָזן די שולן און די קאַפע-הייזער. און אַזוי ווי מיין טעאַטער איז אויך געווען אַן עפנטלעכער לאָקאַל, האָט מען שוין אויך מורא געהאַט צו קומען. אפילו דאָס ביסל אַקטיאָרן, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, האָבן אויך מורא געהאַט צו קומען מען זאָל זיי נישט כאַפּן. האָט זיך יעדער באַהאַלטן ביי זיך אין דער היים, און דערפאַר האָט מען אויפגעהערט צו שפּילן, און אַז מען שפּילט נישט, ווייל דער רעסטאָראַטאָר מער נישט געטרויען קיין עסן, און אַז מען עסט ניט? — הונגערט מען!"

באַין ברירה באַשליסט ג. צו ציען זיין חיונה פון דער מלחמה.

ליברעסקאָ דערציילט וועגן דעם אין זיינע זכרונות: „ווי אַזוי די געשעפטן האָבן אויסגעזען אין בוקאַרעסט, קאָן מען זען דערפון וואָס אין מיטן ווינטער [?] האָב איך באַקומען פון גאָלדפאַדענען אַ בריוו, אין וועלכן ער שרייבט מיר, אַז די עצה, וואָס מיין פרוי האָט אים געגעבן, וועלכע האָט זיך אין אָנהייב אויסגעוויזן אַלס גוטע עצה, טויג באמת אויף כפּרות. ער, גאָלדפאַדען, מיט דער טרופּע גייען אויס פון הונגער. דאָס איינציקע גליק איז דאָס, וואָס דורכן טעאַטער איז ער געקומען קיין בוקאַרעסט, און אַזוי ווי

עס איז איצט מלחמה־צייט, האָפט ער צו קאָנען פאַרדינען ביי די פּאָדריאַדטשיקעס״.

אָבער פון די האָפנונגען איז גאָרניט געוואָרן.

און דאָ האָט אַ צופאַל אַרויסגעפירט ג. און דעם יידישן טעאַטער פון דער טרויעריקער סיטואַציע. ג. דערציילט וועגן דעם אין זיין אויטאָביאָגראַפיע: „... באַגעגען איך איינעם פון מיינע גוטע פריינט אויס אָדעס.

— וואָס טוסטו דאָ — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן מיט אַ טרויעריקער מינע.

— וואָס הייסט וואָס איך טו דאָ? — האָט ער מיר געענטפערט,

— די גאַנצע וועלט לאָזט זיך אַהער. עס איז דאָך עפּעס „קריגס־צייט״. איך בין אויך געקומען מיר זוכן אַ באַשעפטיגונג אָדער אַ פּאָדריאַד. וואָס טוסטו דאָ?

— ... איך וויים? עפּעס האָב איך געמאַכט אַ טעאַטער און מען מאַכט די קאָמעדיע ...

— טוט מיר באַנג! איך וואָלט עס אַ בעלן געווען צו זען.

— ווי אַזוי קאָנסטו עס זען ווען איך האָב צעלאָזט מיין חברה, ווייל קיינער קומט ניט. אויב דו זאָלסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט מאָרגן קומען מיט אַ חברה כאָטש פון אַ 20-30 מענטשן, וואָלט איך צוזאַמענגעפּויקט מיינע לייט און וואָלט געוויזן די קאָמעדיע.

— אָט האָסטו מיין האַנט, אַז מאָרגן קום איך מיט אַ גאַנצער חברה אונזערע אָדעסער.

— באַשטימט?

— נאָך ווי אַזוי! מיר ווערן דאָך דאָ דורך די נעכט משוגע פון לאַנגווייליקייט.

„איך האָב פון אים אָפּשייד גענומען און בין געגאַנגען צונויפרופן מיין חברה און זיי געזאָגט, אַז מאָרגן וועלן מיר שפּילן פאַר אַ קליינעם עולם, וואָס האָט אַזוי ווי באַשטעלט די פאָרשטעלונג.

„מאָרגן איז ער באמת געקומען מיט אַ 30 מענטשן. נו! דאָס דאַרף מען שוין פאַרשטיין ווי די נייגיריקייט האָט זיי איבערראַשט. זיי האָבן פאַרשפּראָכן, אַז מאָרגן וועלן זיי קומען מיט מער מענטשן.

„ריכטיק! אויף מאָרגן צו דער פאָרשטעלונג זיינען שוין געקומען עטלעכע און אַכציק מענטשן, און אַזוי יעדן טאָג מער, ביז דער סאַלאָן איז קליין געוואָרן און האָט שוין נישט געקאָנט אין זיך פאַסן די מאַסן פון דעם פרישן נייגעבוירענעם פּובליקום, און דאָ איז שוין טאַקע געווען אין דער מיט פון דעם זומער און עס איז געוואָרן צו היים אין דעם לאָקאַל מער צו שפּילן. איך האָב געמוזט גיין זוכן אַ גאָרטן, וואו דער פּלאַץ איז פיל גרעסער און די לופט פיל פרישער און איבערפירן די גאַנצע מאַכענאַציע אַהין. און דער זעלבער שטראָם [פון] דער צייט, וואָס האָט ערשט געמאַכט אַזאַ דערוויסטענדע איבערשוועמונג איבער דער יונגער פלאַנצע פון דעם נאָר וואָס אויפגעבליטן „יידישן טעאַטער״, אַז מען האָט געמיינט, אַז עס איז שוין אָפּגעווישט — דער זעלבער פאַרדאַרבענער שטראָם האָט נאָך זיין אָפּלויפן, אַזאַ זעגנרייכע ווירקונג געמאַכט, אַז ... מיין יידיש טעאַטער האָט אויפגעבליט ...

„אין דער רומענישער „קעפּיטאַל־שטאָט״ בוקאַרעסט, סטראַדאַ נעגראַ וואָדאַ נומער 10, איז דאָ אין אַ הויף אַ גאָרטן פון עטלעכע בוימער, וואָס איז היינט יעדן באַקאַנט מיט דעם נאָמען „זשיגניצאַ״. דאָס גערטנדל איז אַמאָל זייער ווייניק באַקאַנט געווען, ווייל אַהין פלעגן אַריינגיין איינציקע שכנים פון די געסלעך זומער ביינאַכט אין די גרויסע היצן טרינקען אַ פרישן גלעזל ביר. דער גאָרטן מיט דעם ביר האָט געהערט צו אַ דייטש, וועלכער האָט געהאַט אַרום דעם גערטנדל אַ גרויסע אַלטע הילצערנע ברויערײַ; אַ לאַנג געמויערט הויז איז אויך געשטאַנען אין דער זייט וואו עס האָט געוואוינט דער ווירט מיט זיין פאַמיליע. צו דעם דייטש האָב איך זיך געווענדעט ער זאָל מיר פאַרדינגען דעם גאָרטן. איך האָב דאָרט באַלד אויסגעבויט אויף מיין רעכנונג אַ פּראָוויזאָרישע זומער־בינע פון ברעטער און איך האָב דאָרט פאָרטגעזעצט מיינע טעאַטער־פאָרשטעלונגען.״

ב. גאָרין שילדערט יענע עפּאָכע אויף פאָלגנדיקן אופן:

„פון רוסלאַנד האָבן זיך אַ שאָט געטאָן קיין רומעניע מחנות מענטשן אין דער האָפנונג צו פאַרדינען אַ לייכטן רובל. דער קאָמיסאַריאַט פון דער רוסישער אַרמיי האָט זיין הויפּטקוואַרטיר געמאַכט אין בוקאַרעסט און פון דאָרטן האָט אַ שטראָם גאָלד געפלייצט איבער די קעשענעס פון אַלע יענע, וואָס זיינען נאָר ניט פויל געווען עס צו נעמען. קיין זאַך איז אַזוי ניט ביליק געווען ווי געלט. מענטשן וואָס זיינען געקומען אָרעם, זיינען אין אַ קורצער צייט עשירים געוואָרן און מיטן לייכט געקריגענעם געלט איז געקומען אַ פאָדערונג אויף לעבן אַ גוטן טאָג, הוליאַנקעס און דאָס גלייכן. דאָס טעאַטער איז געווען ווי פּשוט באַשאַפן פאַר זיי. און דער גרויסער אָנגעלאָפענער, רייך־געוואָרענער עולם האָט זיך ממש דערפרייט מיט אַזאַ אונטערהאַלטונג. מען האָט איצט געשפּילט פאַר געפאַקטע הייזער און אין טעאַטער איז געוואָרן אַ גרויסע שפע. פון ליידיקע בענקלעך האָט מען שוין מער ניט געוואוסט און די אַקטיאָרן האָבן פאַרגעסן די הונגעריקע טעג. דאָס פּובליקום האָט אויך באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים. אַנשטאָט וואָס ביז איצט זיינען די באַזוכער נאָר געווען פון די סאַמע נידריקע שיכטן, האָט מען שוין איצט געקאָנט דאָ זען דעם פיינעם היימישן בעל־הבית, דעם משכיל, און דער טעאַטער ווערט אין אַ קליינעם מאַסשטאַב אַן אינסטיטוציאָן פון דעם גאַנצן פאָלק. אין טעאַטער זעט מען איצט אויך אַ צומיש פון רוסישע אָפיצירן. די פּזמונים און טענצלעך מיט וועלכע די ערשטע שטיקער זיינען געווען דורכגעפלאָכטן, זיינען פאַרשטענדלעך און צוגענגלעך פאַר אַלעמען, בפרט ווען די האַנדלונג איז דורכאויס פון יידישן לעבן און די לאַנגע קאַפּאָטעס און בערד מיט פּאותן זיינען גוט באַקאַנט דעם רוסישן יידן. אויב דערדאָזיקער צומיש האָט ניט געהויבן די בינע, האָט ער אָבער פיל געהאָלפן דער קאַסע. ... צווישן די אָנגעלאָפענע אין בוקאַרעסט איז אויך געווען משה פינקעל. ער איז געקומען פאַרדינען אַ גרינגען רובל ביים קאָמיסאַריאַט, נאָר ער איז באַלד אַריינגעפאַלן אין גאָלדפאַדענס טרופּע.״

דעם 9 אויגוסט (א.ס.) 1877 האָט גאָלדפאַדען ווידער אויפגעפירט „דאָס בינטל האָלץ״, „שוסטער אונד שניידער״ [ג. גיט אָן אין זיין אויטאָביאָגראַפיע „פּאָסע אין 2 אַקטן נאָך „מויער״, טעקסט אין ערגעץ ניט געדרוקט, ביי שלום פּערלמוטער איז פאַראַן אַ מאַנוסקריפּט פון ג.׳ס אַן איינאַקטער „קאַטארול״ אין וועלכן דער הויפּטראָליסט הייסט „זאַנוול שניידער״.] און „דער לעבעדיקע טאָטע [דעם זעלבן וואָדעוויל א״נ „דער לעבעדיקער מת״ האָט ג. אין אָדעס אין 1882, אויף אַ פייערונג פון זיין משפּחה, אויפגעפירט דורך זיינע משפּחה־לייט. דער סוזשעט פון דעם וואָדעוויל געפינט זיך אין „שריפטן״, קיעוו, 1928, ערשטער באַנד. ז. 342].

דעם 25 אויגוסט (א.ס.) 1877 האָט ג. דאָ אויפגעפירט צו זיין בענעפיס: „די מומע סאָסע״, קאָמעדיע אין 5 אַקטן.

קיין נייעם רעפּערטואַר האָט מען איצט נישט געדאַרפט, ווייל אַלע מאָל זיינען צוגעקומען נייע, פרישע באַזוכער. די גוטע גע-

שעפטן האָבן אַ רעכט ביסל צעטומלט: ג. זוכט איצט „צו מאַכן געלט“: „דעם אמת מוז איך מודה זיין — שרייבט ער — אַז נאָך ביז איצט, ווען איך נעם די פעדער צו שרייבן אַ ניי אָריגינעל שטיק, ווען די באַגייסטערונג הייבט מיך אָן צו צעוואַרעמען, שוועב איך דאַן אין אַ גאַנץ אַנדערע[ר] ספערע, אין אַן אידעאַלישער און אין דער גאַנצער צייט פאַרגעס איך כמעט אָן דער עקזיסטענץ פון געלט, פון פאָראורטייל, פון כבוד. איך פאַרגעס זאָגאַר פיל מאָל אין עסן און טרינקען. ווערנד דאָס שטיק ווערט פאַרטיק, ווער איך שוין עטוואָס אָפּגעקילטער, נאָר דאָך באַגייסטערט מיך דאָס געפיל פון דער קונסט, ווערנד איך מאַך פּראָבן און לערן די ראָלן מיט דער מימיק, דיקטיר צו מאַכן די דעקאָראַציאָנען, קאָסטיומען און מוזיק. ערשט ווען דאָס שטיק ווערט שוין אויפגעפירט און דער קאַסירער זעצט זיך צו דער קאַסע מיט די בילעטן, פאַרגעס איך אָן אַלעמען וואָס עס איז געוועזן און דער שריפטשטעלער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סוחר, אַ געשעפטסמאַן, ביי וועלכן עס בלייבן ליידער שטיין מיינע פעאיקייטן . . . אויך דאָ, אַז דער עולם האָט זיך פּלוצלונג אָנגעהויבן צו לאָזן אין מאַסן אין מיין גאָרטן, בין איך גאָר פריילישעט געוואָרן.“

די גלענצנדע געשעפטן האָבן נאַטירלעך געלאָקט אויך אַנדערע צו פּרובן זייער מזל ביים טעאַטער. אַזוי האָט משה הורוויץ [באַקאַנט שפּעטער אַלס פּראָפעסאָר איש הלוי האָרוויץ אָדער הורוויטש], וועלכער האָט שוין פריער זיך „געדרייט“ ביים טעאַטער, געעפנט אַ יידיש טעאַטער אין בוקאַרעסט מיט אבא שענגאָלד, משה טייך, הערשל גאָלדענבערג און אַ „געוויסע“ [שרה?] גאָלדשטיין. כדי אויסצומיידן קאָנקורענץ האָט ג. איבערגענומען צו זיך שענגאָלדן, און הורוויצס טרופּע איז דורכדעם צעקלאַפּט געוואָרן.

צוליב אַ שטיקל „רעוואָלוציע“, וועלכע ברעכט אויס שפּעטער אין דער טרופּע, באַזייטיקט ג. אַלע אַקטיאָרן, אַ חוץ צוקערמאַנען און 3 פרויען, און ער שרייבט אָן דעם 2-אַקטיקן פאַרס „איקס, מיקס, דריקס“ פאַר וועלכן ג.׳ס סעקרעטאַר און כאָר-דיריגענט[?] שרייבט באַלד אויף די „פּרים“ פון די ניגונים, וועלכע ג. זינגט אים פאָר, דערונטער דעם ערשטן כאָר פון 2-טן אַקט פון וואַגנערס „דער פליענדער האָלענדער“. דערדאָזיקער פאַרס ווערט באַלד דערויף אויפגעפירט מיט צוקערמאַן, מיט די געבליבענע 3 פרויען-כחות, מיט דעם צוריקגעקומענעם אבא שענגאָלד און דעם ניי-צוגעקומענעם משה טייך.

ג. שרייבט שפּעטער וועגן דעם: „דאָס גאַנצע געכאַפּטע אומלאָגישע נויט-שטיק איז עד היום ביי מיר ניט אויפגעשריבן; די שטיקלעך ראָלן האָב איך איינשטודירט אויסווייניק מיט יעדן, נאָר דעם הויזירער טייך האָב איך זיין שטיקל ראָל געמוזט אויפשרייבן ער זאָל גוט אויסלערנען אויסווייניק, ווייל ער איז געווען טויב.“

דער סוזשעט פון פאַרס איז געדרוקט אין ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע. אַ מאַנוסקריפּט געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו-יאָרק.

ביז סוף פון זומער-סעזאָן 1877 האָט ג. זיך באַגנוגנט מיטן אַלטן רעפּערטואַר און מיט זיין איבערזעצונג פון „דער פאַרקויפטער שלאָף“ אָדער „באַנקיר טיראַן“ [מעלאָדראַמע אין 3 אַקטן און 11 בילדער, פון דייטש. די פּיעסע איז קיינמאָל ניט דערשינען אין דרוק. דער כתב-יד געפינט זיך אין טעאַטער-מוזיי ביי ייוו״א מיט אינטערעסאַנטע האַנט-צייכנונגען פון ג.].

כדי נישט צו פאַרענדיקן פרי די פאָרשטעלונגען, האָט ג. צום סוף פון יעדער פאָרשטעלונג געמוזט אַליין אַרויסטרעטן מיט קופּלעטן אָדער דעקלאַמאַציעס. צוליב דעם האָט ער יעדן צווייטן טאָג אויפגעשריבן אַ נייעם קופּלעט. ער האָט עס אָבער — ווי ער דערקלערט שפּעטער — נישט גערן געטאָן: „מיר איז אָבער דאָס ערשיינען אַליין אויף דער בינע געווען איבער דער טבע. איבערהויפּט אַז עס פלעגן זיך מאַכן אויסערגעוויינלעכע פעלע וואָס איך האָב אַליין געמוזט אַרויף אויף דער בינע פאַרטרעטן אַ ראָלע פון אַן אַקטיאָר, וואָס פלעגט ביינאַכט ניט קומען צו די פאָרשטעלונגען, אָדער צו באַלעבן די איבריקע אַקטיאָרן און ווייזן זיי די שטעלונגען מיט דער פרייער באַוועגונג אויף דער בינע. . . . דער

די צייכנונג איז געמאַכט פון ווערבעל

וואָס באַזיצט ניט די נאַטור זיך צו קאָנען מאַסקירן, איז ניט אומשטאַנד זיך צו ווידמען צו דעם פאַך. איך מיין ניט מיט דעם צו פּרובן מיינע אייגנשאַפטן. איך ערקלער מיר נאָר מיט דעם מיין אומפעאיקייט און טאַלאַנטלאָזיקייט, וואָס האָט מיך ניט באַוואויגן צו באַטרעטן די ברעטער פון מיין אייגענער בינע אַלס שוישפּילער. דאַגעגן, איבערצוגעבן יענעם די רעגלען פון דער דראַמע און קונסט, יענעם לערנען די מימיק ווי אויך עוואָלוציאָנען, דערצו האָב איך מיך געפונען מער אַלס פעאיק. איך פלעג נאָר ערשיינען אויף אַלגעמיינעם פאַרלאַנג אַלס דער רעציטאַטאָר, אָדער אין אַ הומאָריסטישן סאַטירישן שאַנסאָנעט צו דעקלאַמירן אונטער דער מעלאָדיע וואָס דאָס פידעלע פלעגט צוהאַלטן. איך בין געשטאַנען אויף דער בינע און האָב אַראָפּגערעדט פריינטלעך און געשפּאַסט מיט דעם פּובליקום ווי צוויי גוטע ברידער, ניט געצוואונגען, פריי. נאָר אפילו דער אומשולדיקער [דעם אומשולדיקן] אונטערהאַלט האָט אויך מיין כאַראַקטער לאַנג ניט געקאָנט אויסהאַלטן. וואָס מער דאָס טעאַטער-געשעפט האָט מיך אַלס אויטאָר פאַרפּלאָנטערט און פאַרוויקלט אין זיינע געשעפטן אַלס אַדמיניסטראַטאָר, רעזשיסאָר און מימיק-לערער, מער האָב איך געהאַט ערגערניסע און קרענקונג. אַזוי, אַז ס׳האָט זיך פיל מאָל געמאַכט, ווען איך האָב מיך געערגערט און געשריגן הינטער די קוליסן און האָב מיך געבייזערט איבער געוויסע אומאָרדנונגען, אין דעם מאָמענט האָט פּלוצים דאָס פּובליקום מיך אַרויסגערופן

אים זינגען א פריילעכן לוסטיקן שאנסאנעט. פארשטייט זיך, אז אנשטאט צו ערשיינען פארן פובליקום מיט א פריילעך געמיט, מיט א פריינטלעכער מינע, מיט א ליבעם שמייכל אויפן פנים, בין איך ארוים פלוצים מיט אן ערנסטער מינע, מיט א בייז פארדראסן פנים און אפגעמארקעט דעם שאנסאנעט ווי מיר איז געווען אויפן הארצן, אז ס'האט ניט געהאט קיין טעם און קיין ריח. דאס האב איך געפילט אין מיר און דאס ערשיינען פארן פובליקום איז מיר געווארן צו-ווידער."

דעם 30 סעפטעמבער 1877 האט ג. אריבערגעטראגן די פארשטעלונגען אין פאמול ווערדע, וואו דער אייגנטימער האט געלאזט אויסברעכן א וואנט און געמאכט א בינע. צו דער ערשטער פארשטעלונג איז דא געשפילט געווארן ג.'ס „דיא שכנות" [צוויי שכנות"], „דער קאטטער" [„דער קאטאר". דער כתב-יד געפינט זיך אין טעאטער-מוזיי ביי יוו"א. דערשינען אנאנים א"נ — דער קאטער, איין לוסט שפיל אין איין אקט" געדרוקט צוזאמען מיט „דיא קאמישע חתונה פאן שמענדריק מיט דיא כלה", לעמבערג 1875 [?], פון מיטן זייט 30 ביז אין מיטן זייט 46. 32°.]

דעם 29 סעפטעמבער (א.ס.) 1877 איז דא אויפגעפירט געווארן ג.'ס „יאקיל אונד יוקיל" [לויט דר. שאצקי ווארשיינלעך — „סצוציק און מוציק". אין ערגעץ ניט געדרוקט. כתב-יד ביי שלום פערלמוטער אין ניו-יארק.] און ג.'ס „דער פאבריקאנט" [?].

דעם 31 סעפטעמבער (א.ס.) 1877 איז דא אויפגעפירט געווארן ג.'ס „דיא צוויי טויבע" [אין ערגעץ ניט געדרוקט. טעקסט ביי שלום פערלמוטער. דער איינאקטער איז אן איבערזעצונג פון מאאנא].

דעם 1 אקטאבער (א.ס.) 1877 איז דא אויפגעפירט געווארן ג.'ס „דיא אנגעשפארטע [איינגעשפארטע?] כלה מויד [„די קאפריזנע כלה"?]".

דעם 6 אקטאבער (א.ס.) 1877 איז דא אויפגעפירט געווארן ג.'ס „דיא שטימע כלה".

דעם 11 אקטאבער (א.ס.) 1877 איז דא אויפגעפירט געווארן ג.'ס „יאנטעל שנאדער" [שנארער? לויט דר. שאצקי: ווארשיינלעך „דאס גלאז וואסער", איינאקטער. אין ערגעץ ניט געדרוקט.]

דעם 13 אקטאבער (א.ס.) 1877 איז דא אויפגעפירט געווארן ג.'ס „וואס טיהט מען?" [?].

בערך אין דער זעלבער צייט זיינען אויך אויפגעפירט געווארן ג.'ס איינאקטערס: „דער שפיגל" (שוואנק אין איין אקט נאך קאצעבוי) [טעקסט ניט פאראן], „פיר פאר פארצעלייענע טעלער". „די שוועבעלעך" [ביידע קיינמאל ניט געדרוקט. א כתב-יד ביי שלום פערלמוטער], „די דריי טויבע" און „די צוויי פארדולטע" [ביידע קיינמאל ניט געדרוקט. פון לעצטן איינאקטער געפינט זיך א מאנוסקריפט ביי ש. פערלמוטער].

די געשעפטן זיינען ווייטער אוועק אויסגעצייכנט; א בילעט, וואס האט פריער געקאסט 1 פראנק, איז איצט ארויף ביז 4-6 און דערנאך אפילו ביז 20 פראנק.

דער דערפאלג איז געווען אזא גרויסער, אז ס'איז דערשינען אפילו א באזונדער ביכל אין יידיש, געווידמעט ג.'ס טעאטער: „במת ישחק או גיא-חזיון" — סאלאן „פאמא ווערדע", בקרת מאת הרואה אברהם הגרשוני — לבני קהת" [אין דער ווידמונג פון א שיר אין אנהייב פון ביכל ווערט אנגעגעבן דער ריכטיקער נאמען פון מחבר — ג. אבראמסקי], אין וועלכן ס'ווערט אנגעוויזן אויף די גוטע און שלעכטע מאמענטן אין שפילן, אויף די פאזיטיווע און נעגאטיווע זייטן פון די פיעסען און עס ווערט דערציילט וועגן דער באגייסטערונג, וואס האט זיך געשאפן ארום דעם יידישן טעאטער אין רומעניע.

דער רוסישער זשורנאליסט נ. ב. שיגארין, וועלכער האט בייגעוואוינט א פארשטעלונג פון „די שטומע כלה" אין פאמול ווערדע, דערציילט אין זיין רוסיש בוך „די רוסישע יידן אין אויסלאנד" (קיעוו 1878, זז. 71-49): „דער זאל איז אלעמאל פול געפאקט. עס ווערט געגעבן 4 פארשטעלונגען א וואך און עס איז נאך ווייניק וואס קיינמאל, באזונדערס שבת און זונטאג, איז ניטא קיין פרייע פלעצער, נאר צענדליקער און אמאל אויך הונדערטער פארשפעטיקטע טרעפן ניט אין טעאטער [קיין פלאץ] און גייען צוריק מיט אומצופרידנקייט" [ציטירט לויטן מינסקער גאלדפאדען-בוך].

ב. גארין דערציילט וועגן דאמאלטיקן מצב: „די שפע איז געווען גרויס אין יידישן טעאטער אין דער דאזיקער צייט. די גרעסטע שפע איז געווען אין גאלדפאדענס טעאטער אין בוקארעסט [גראדנער האט דאמאלט געשפילט מיט א טרופע אין יאסי] און דער דירעקטאר און די אקטיארן האבן זיך ממש געבאדן אין כל-טוב. און דערצו איז אפילו ניט געווען נויטיק, אז די אקטיארן זאלן קריגן זייער גרויסע שכירות. אזוי גיך ווי א פארשטעלונג אין טעאטער האט זיך געענדיקט, האבן שוין פאדריאדטשיקעס געווארט אויף זיי און געפירט זיי אין די רייכסטע רעסטאראנען, וואו מען האט געגעסן, געטרונקען און געהוליעט ביז גרויסן טאג. אזוי איז געווען נאכט איין נאכט אויס און די טייערסטע ווייגען האבן זיך געגאסן ווי וואסער. . . . און די שפע איז ניט נאר געווען אין בוקארעסט; אין יעדער היפשער שטאט, וואוהין גאלדפאדען איז [שפעטער] געקומען גאסטראלירן מיט זיין טרופע, איז דאס טעאטער געווען געפאקט. אין גאלאץ האבן זיך צוויי אונטערנעמער ארויסגערופן צו בויען א טעאטער ספעציעל פאר גאלדפאדען. דאס איז שוין געווען אין די לעצטע חדשים פון דעם קריג."

אויך גאלדפאדען באשטעטיקט דידאזיקע לאגע: „מיין ביסל אקטיארן זיינען אויך אויפגעלעבט געווארן. צו טאן האבן זיי געהאט זייער ווייניק. קיין נייע שטיק האט מען ניט אויפגעפירט. אלע מאל די אלטע פיעסן, וואס זיי האבן זיי שוין געשפילט צו 20-30 מאל. פאר גרויס וואוילטאג האבן זיי זיך גענומען לײדנשאפטלעך צו טרינקען דעם גוטן רומענישן ווין." — אבער — „...די איבערגעאיילטע קאנדיציאנען, וואס איך האב געמאכט מיט דעם שניידער [דער באזיצער פון זאל] האט געלויטעט, אז ער נעמט פארן סאלאן מיט באלייכטונג 40 פראצענט ברוטא פון דער איינגאמע, ווערנד פון מיינע 60 פראצענט האט געמוזט אראפגיין די וויכטיקסטע רעזשי-שפעזן. מיינע אקטיארן, אום זיי זאלן מער חשק האבן צו דער ארבעט און אום איך זאל דערווארעמען דעם חשק פון פריוואט-מענטשן זיי זאלן זיך ווידמענען צו דעם פאך, האב איך געגעבן אומגלויבלעכע גאזשען. צוקערמאן, מיין קאמיקער, האט אליין גענומען א נאכט אכציק פראנק. יעדע נייע דעקאראציאן אדער נייער קאסטיום האט מיך געקאסט דריי מאל אזויפיל לויט דעם ווערט, אבי עס זאל זיין אלץ וואס איך האב באדארפט צום נייעם שטיק. איך וואלט מיך אפשר געווען מער צוגעהערט צו דעם מאטעריעלן געשעפט צו קלייבן קאפיטאל, ווען איך זאל געווען זיין דאמאלט אויף דער ערד, ניט אין הימל — . . . איך בין מיינסטנס געווען פארטראגן מיט מיין שאפן, שרייבן און לערנען און האב ערשט שפעטער זיך ארומגעקוקט ווי מען האט מיר צעפלאכטן די קאסע. וועמען איך האב נאר געמאכט פאר קאסירער, געשעפטס-פירער, אדער קאנטראלער, האט זיך מיט מיר אפגערעכנט ווי מיט א טאטען."

ג. וויל טאקע מער זיך ווידמען דער געשעפטלעכער זייט און וויל דעריבער צוציען אנדערע שרייבער פאר זיין רעפערטואר: „עס זיי-

נען — שרייבט ער — אויסגעוואַקסן אין דער צייט אין בוקאַרעסט פּילע מיינע באַקאַנטע אויטאָרן פון רוסלאַנד, ווי א. ב. גאָטלאָבער, יצחק לינעצקי, לערנער און פּילע אַנדערע. וויפיל איך האָב זיי געבעטן זיי זאָלן, אַלס מענטשן וואָס האַלטן אַ פּעדער, פון מיינעטוועגן אָנשרייבן אַ טעאַטער-שטיק, איך וועל זיי גוט באַצאָלן, זיי האָבן מיך אָבער ניט געהערט. א. ב. גאָטלאָבער האָט גענוג גאָלד איבערגענומען ביי די פּאָדריאַדטשיקעס פאַר זיינע ביכער. לינעצקי האָט געהאַט אַ פּאָדריאַד צוצושטעלן פּעסער צו האַלטן זויער-קרויט פאַר דער אַרמיי און האָט פאַרדינט טויזנטער. לערנער האָט איבערגענומען ביי די פּאָדריאַדטשיקעס גענוג לאַ-יחרץ-געלט, ער זאָל ניט דאָנאָסירן [מסרן] דער רעגירונג די געהיימניסע פונם שווינדל פון די אונטערנעמער. שייקעוויטש (שמ״ר), דעם פּאָפּולערן ראָמאַנען-שרייבער, דעם יידישען אייזשען סי, האָט זיך נאָך דאַמאָלט ניט געחלומט, אַז ער וועט שרייבן ראָמאַנען, אָדער [די סוזשעטן] פון די ראָמאַנען איבעראַרבעטן אין פּיעסען. ער האָט דאַמאָלט צוגעשטעלט דער אַרמיי היי און האָבער פאַר די פערד. הכלל ! די גאַנצע אַרבעט איז געפאַלן אויף מיר. איך האָב אָנגעדרייט די אַדמיניסטראַטיווע געשעפטס-מאַשין, די רעדלעך זאָלן זיך שוין אַליין דרייען אונטן ביי דער קאַסע און איך האָב מיך אַנידערגעזעצט אויבן אין מיין צימער צום שרייב-טיש און האָב מיך גענומען צו דער פּעדער און צום אַנגאַזשירן און אויסאַרבעטן פרישע קרעפטע פאַר דער בינע.״

אָבער ג. איבערצייגט זיך באַלד, אַז ער מוז האָבן פאַר זיין טעאַטער אַ ספּעציעלן געשעפטס-פירער.

עס קומט אָן אין לאַזאַרס זאַל גראַדנער מיט זיין טרופּע און פּרובט קאָנקורירן מיט ג. טאַקע אין ג.׳ס פּיעסן. ג. פאַרוועדט זיי געריכטלעך צו שפּילן דעם דאָזיקן רעפּערטואַר. גראַדנערס טרופּע פּלאַצט און אירע 2 הויפּט-כחות : ראָזע פרידמאַן און משה פינקעל גייען איבער צו ג. אין טרופּע.

ג. רופט איצט אַרויס צו זיך ליבערעסקאָן, וועלכער ווערט פאַרוואַלטער פון דער טרופּע און באַלד דערויף פאָרן זיי גאַסטראָלירן אין גאַלאַץ, דערנאָך אין בראַאילאַ.

דורך דער צייט פון די גאַסטראָלן אין דער פּראָווינץ, איז דערווייל פאַרטיק געוואָרן אין בוקאַרעסט דאָס טעאַטער זשיגניצע, איינגעאָרדנט מיט אַ באַזונדערן קאָמפאָרט. אָבער כדי צוריקצופאָרן שפּילן אין בוקאַרעסט, האָט מען געמוזט האָבן נייע פּיעסען.

נאָך אין בוקאַרעסט האָט ג. (אָנגערעגט דורך אַ שמועס מיט דער אַקטריסע ראָזע פרידמאַן וועגן איר פּריוואַטן לעבן) אַדאָפּטירט אָפּענבאַכס אָפּערעטע „בלויבאַרט״ און אָנגעשריבן זיין אָפּערעטע „ברײנדעלע קאָזאַק״ („טרוים-בילד אין 4 אַקטן מיט פּראָלאָג און עפּילאָג״), וועלכע איז באַלד אויפגעפירט געוואָרן מיט ראָזע פרידמאַן אין דער טיטל-ראָל, לייזער צוקערמאַן אַלס „יאַקאָב״ און משה טייך אַלס „גובערמאַן״.

דידאָזיקע פּיעסע איז שפּעטער געוואָרן איינע פון די גאַנגבאַרסטע אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער איבער דער גאַנצער וועלט.

דער סוזשעט פון דער פּיעסע און עטלעכע דיאַלאָגן פון איר געפינען זיך אין ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע. די פּיעסע איז קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן. דער כתב-יד געפינט זיך אין טעאַטער-מוזיי ביי יוו׳א.

אין יענער צייט האָט אויך ג. אָנגעשריבן „די כשוף מאַכערין״ [באַקאַנט אונטער די נעמען „די צויבערין״, „קאָלדוניאַ״, „די באָבע יאַכנע״], וועלכע איז אויך באַלד געשפּילט געוואָרן.

דיזעלבע פּיעסע איז דעם 2 דעצעמבער 1922 אויפגעפירט געוואָרן

דורכן מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער („די כשוף מאַכערין״, מוזיק פון אחרון אויפן סמך פון די פאַרשריבענע פאָלקס-מאָטיוון פון ז. קיסעלדאָרף און אברהם גאָלדפאַדען, רעזשי — א. גראַנאָווסקי, דעקאָראַציעס פון איסאַק ראַבינאָוויטש). דעם 11 מערץ 1925 ווערט דיזעלבע פּיעסע אויפגעפירט אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער [„די כישופמאַכערין״ (קאָלדוניאַ), באַאַרבעט אין צוויי טיילן און 8 בילדער פון מאָריס שוואַרץ, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען געצייכנט פון מאוד און קאָטלער, אויסגעפירט פון א. טשערטאָוו, מוזיק אַראַנזשירט פון יוסף טשערניאַווסקי, רעזשי מאָריס שוואַרץ].

די פּיעסע איז זייט 1887 דערשינען אין אַ סך אויפלאַגעס.

15 מוזיק-נומערן פון „דיא צויבערין״, אַראַנזשירט פון ה. א. רוסאָטאָ, זיינען דערשינען אין ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני״.

שפּעטער האָט ג. אָנגעשריבן די פּיעסע „דער פּאָדריאַדטשיק״ אָדער „רוסיש-טערקישער קריג״. אַ מאַנוסקריפּט געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו-יאָרק.

די פּיעסע איז, קענטיק, לכתחילה געווען געשריבן מיט דער כונה אויסצולאַכן די בוקאַרעסטער סביבה פון די פּאָדריאַדטשיקעס, אָבער ווען דיזעלבע פּיעסע איז אין יאַנואַר 1880 אויפגעפירט געוואָרן אין אָדעס אונטערן נאָמען „דער אָנדענק פון פּלעוונע״ איז זי — לויט אַ רוסישן קאָרעספּאָנדענט (אין „רוסקי יעווריעי״, נום. 7, 1880) — אַזוי איבערגעאַרבעט געוואָרן, אַז זי זאָל ניט פאַרשאַפן קיין אומאַנגענעמלעכקייטן די אָרטיקע פּאָדריאַדטשיקעס.

צו יענעם פּעריאָד געהערט אויך „טודרוס בלאָז״ אָדער „דער ליגנער״ (אָדער ווי די אַקטיאָרן פלעגן רופן די פּיעסע — „טודרוס דוי״). אויך דידאָזיקע פּיעסע איז באַלד אויפגעפירט געוואָרן און איז שפּעטער אַ לענגערע צייט געווען אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער.

אַ כתב-יד פון דער פּיעסע געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו-יאָרק.

זייט 1911 איז די פּיעסע דערשינען אין פּיל אויפלאַגעס.

איצט שרייבט אָן ג. און פירט אויף זיין „ניע בע, ניע מע, ניע קוקוריקו״ אָדער, „קאַמף צווישן בילדונג און פאַנאַטיזם״.

די פּיעסע, וועלכע איז אַ געוויסע צייט געווען אין רעפּערטואַר פון די יידישע בינעס, איז קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן. דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין טעאַטער-מוזיי ביי יוו״א.

אויף רוסיש איז די פּיעסע איבערגעזעצט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ ליברעטאָ פון ד. איוואַנאָוו און איז געדרוקט געוואָרן אין 1880 אין אָדעס און אין 1881 אין פּעטערבורג.

ערשט אַצינד איז די טרופּע צוריקגעפאָרן קיין בוקאַרעסט.

ס׳איז זייער כאַראַקטעריסטיש ווי אַזוי ג. פלעגט שרייבן זיינע פּיעסען. ליבערעסקאָ דערציילט : „גאָלדפאַדען פלעגט גאַנץ אָפט אין מיטן נאַכט זיך אויפכאַפּן, ווייל עס איז אים איינגעפאַלן עפּעס אַ ליד, אַן איינפאַל, אַ וויץ אָדער אַ סצענע, פלעגט ער תיכף אַראָפּשפּרינגען פון בעט, און עס פאַרשרייבן. איינמאָל האָב איך געטראָפן ביי אים פאַרשריבן אַ ליד מיט קרייד אויף דער ערד. „ . . . גאָלדפאַדען פלעגט האָבן אַ טבע אָנצושרייבן די הויפּט-ראָלן פון זיינע פּיעסן צוגעפּאַסט צו זיינע אַקטיאָרן. ער האָט אויסגעצייכנט אויסשטודירט דעם כאַראַקטער פון זיינע הויפּט-אַקטיאָרן און נאָכדעם אָנגעשריבן אַ גרויסע ראָל, וועלכע האָט געהאַט אין זיך די זעלבע אייגנשאַפטן, וואָס דער אַקטיאָר, וועלכער האָט זי געדאַרפט שפּילן [אַזוי איז געווען דער פאַל מיט „די רעקרוטן״ און שפּעטער מיט „ברײנדעלע קאָזאַק״, „שמענדריק״ א. א.], און ממילא איז דער אַקטיאָר געווען אויסגעצייכנט אין דער ראָל. גאָלדפאַדען האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ער וועט זיך מיט מיר צו מאַכן

פאַר מיר אַ ראָל, וועל איך באַקומען אַ נאָמען אַלס אַ גרויסער אַקטיאָר, כאָטש כ'האָב קיינמאָל ניט געשפּילט. איך האָב זיך ניט געוועט, ווייל כ'האָב געגלויבט גאָלדפאַדענען. אַלזאָ, אַזוי האָט ער געמאַכט „שמענדריק" פאַר מאָגולעסקאָן און אַזוי „ברײַנדעלע קאָזאַק" פאַר דער אַקטריסע ראָזע פרידמאַן. זי איז געווען אַזוי גלענצנדיק אין דער ראָל, אַז מען האָט גאָר פאַרגעסן ווי זי הייסט און אומעטום האָט מען זי גערופן „ברײַנדעלע קאָזאַק". ווען זי פלעגט גיין אין גאַס, האָט מען איר נאָכגעוויזן מיט די פינגער: „אָט גייט ברײַנדעלע קאָזאַק"."

ענלעכס דערציילט וועגן זיך ג.: „ווי אַזוי איך האָב פון צוקערמאַנען געמאַכט אַ באַרימטן יידישן קאָמיקער, איז געווען גאַנץ איינפאַך: איך האָב מיך באַשטרעבט אין זיין ראָלע אַרײַנצוגעבן אַ גרעסערע פאָרציאָן וויץ אינם וואָרט, און מער קאָמיזם אין דער טעטיקייט. דערצו דער קאָמישער גרים און אנצוג. איך האָב דאָס אַזוי געמאַכט, אַז דאָס ווערטע פובליקום האָט אַבסאָלוט ניט געקאַנט מערקן, אַז אין דער גאַנצער באַוועגונג שטעקט אַן אויטאָמאַטישע פיגור."

וועגן די באַציאונגען צווישן ג. און זיינע אַקטיאָרן דערציילט ליברעסקאָ: „פרוי גאָלדפאַדען, וואָס האָט באַמערקט די באַציאונג פון די אַקטיאָרן צו מיר, האָט איינמאָל געזאָגט צו גאָלדפאַדען אין מיין קעגנוואַרט: — די אַקטיאָרן האָבן ליברעסקאָן ליבער ווי דיך, ער וועט דיך נאָך אַרויסטרייבן פון דער טרופּע.

„גאָלדפאַדענס פרוי האָט ווירקלעך געהאַט אַ סבה צו זיין אייפערזיכטיק, וואָרום, דעם אמת געזאָגט, האָט גאָלדפאַדען, באַזונדערס זיין פרוי, שלעכט באַהאַנדלט די אַקטיאָרן און זיי האָבן אים ניט ליב געהאַט, נאָר זיי האָבן זיך געפילט אָן אים הילפלאָז און האָבן געגלויבט, אַז אָן זיינע פּיעסן קאָנען זיי ניט מאַכן קיין לעבן.

„גאָלדפאַדענס פרוי האָט דאָס פאַרשטאַנען און איינמאָל האָט זי גאַנץ אָפן אַרויסגעזאָגט:

— נאָך אַ נס, וואָס גאָלדפאַדען שרייבט פּיעסן, ווען ניט, וואָלט מען אים אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן."

דערווייל האָט זיך געענדיקט די מלחמה און ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערע צייט פאַרן יידישן טעאַטער.

ב. גאָרין שרייבט וועגן דעם: „הגם מ'האָט זיך געדאַרפט ריכטן, אַז די מלחמה וועט אייביק ניט געדויערן און פריער אָדער שפּעטער וועט זי זיך ענדיקן, האָט אָבער קיינער וועגן דעם ניט געטראַכט. מען האָט געגלויבט, אַז אַזאַ איז געוואָרן דער צושטאַנד פון יידישן טעאַטער און די שפע וועט אַלעמאָל אָנהאַלטן. נאָר דאָ איז געקומען איין באַריכט נאָכן צווייטן, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט און דער גאַנצער קאָך אַרום דעם קאָמיסאַריאַט איז מיט אַמאָל שטילער געוואָרן. איינער נאָכן צווייטן האָבן די יידישע פּאָדריאַדטשיקעס פאַרפּאַקט זייערע זאַכן צוזאַמען מיטן אָנגעקליבענעם גאָלד און געלאָזט זיך פאָרן צוריק אַהיים, און איידער מען האָט זיך גוט אַרומגעקוקט, איז קיינער פון די אַנגעלאָפענע ניט געבליבן, אַ חוץ יענע, וואָס האָבן ניט געהאַט אויף הוצאות. מיטן אויפהערן פון דעם גאָלדענעם מבול האָט אויך אויפגעהערט די שפע אין יידישן טעאַטער. עס איז ווידער געבליבן דער זעלביקער אָרעמער עלעמענט, וואָס האָט פּאַטראָניזירט [אונטערשטיצט] די יידישע בינע פאַר דער מלחמה. די בענקלעך זיינען געבליבן האַלב אָדער דרייפערטל ליידיק, אין דער קאַסע איז געווען אַ חושך. נאָר אויב פאַר דער מלחמה האָבן די דירעקטאָרן און אַקטיאָרן צופרידנגעשטעלט זיך מיט אַזאַ צושטאַנד אין דער האָפנונג אויף בעסערע צייטן, האָבן זיי איצט בשום אופן ניט געקאַנט בלייבן צופרידן, נאָכדעם ווי זיי האָבן געלעבט אַזאַ גוטן טאָג. אין יאַסי איז מאָגולעסקאָס טרופּע באַלד נאָך דער מלחמה צעשלאָגן געוואָרן און

די אַקטיאָרן האָבן זיך צעשפּרייט איבערן לאַנד. אין בוקאַרעסט האָט גאָלדפאַדען איינגעזען, אַז דאָרטן איז שוין מער קיין פּלאַץ פאַר אים ניט געבליבן און ער האָט איצט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן רוסלאַנד."

ג. האָט אין יענער צייט באַקומען אַ בריוו פון זיין שווער ווערבעל אין אָדעס, אַז צוריקגעקומענע פון רומעניע דערציילן דאָרט וואונדער וועגן יידישן טעאַטער אין רומעניע. אין אָדעס האָבן דאַמאָלט שוין געשפּילט יידיש טעאַטער ישראל ראָזענבערג מיט אייניקע יונגעלייט, וועלכע האָבן נאָכקאָפּירט די פּיעסן און דאָס שפּילן פון ג.'ס טרופּע, וואָס זיי האָבן געזען אין רומעניע. דאָס פּובליקום האָט אָבער געוואַרט אויף די „אמתע" אַקטיאָרן פון רומעניע.

יעקב פּ. אַדלער דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ווען ער האָט פון ישראל ראָזענבערג זיך דערוואוסט וועגן ג.'ס טרופּע, האָט ער אין אַן אָדעסער רוסישער צייטונג פאַרעפנטלעכט אַ בריוו, אין וועלכן ער בעט, אַז ג. מיט זיין טרופּע זאָל קומען אין אָדעס.

פאַרזעצט ג. אַ רינג און פאַר פּסח 1879 לאָזט ער איבער די טרופּע אין רומעניע און פאָרט צוזאַמען מיט ליברעסקאָ קיין אָדעס.

אין אָדעס, וואו זיי האָבן באַקומען אַ גרויסן קבלת-פּנים (אייניקע הונדערט מאַן זיינען געקומען צום וואָקזאַל באַגריסן ג.), האָבן זיי געטראָפן שפּילן אין „רעמעסלענני [האַנטווערקער] קלוב" ראָזענבערג מיט אייניקע יונגעלייט. ג. האָט דערווייל אין דער שטיל צוגעהאָלפן ראָזענבערגס טרופּע, ביז דער תבואה-סוחר און מעצענאַט קאָהן באָרגט אַ געוויסע סומע און ליברעסקאָ פאָרט קיין בוקאַרעסט ברענגען די טרופּע, וועלכע באַשטייט דאַמאָלט פון 42 פּערזאָן: די אַקטיאָרן און זייערע פאַמיליעס, אייניקע מוזיקאַנטן און אויך עטלעכע בעלי-חובות, וועלכע פאָרן מיט כדי אָפּצוקריגן זייער געלט.

דעם 7 אַפּריל (א.ס.) 1879 האָט די טרופּע אָנגעהויבן שפּילן (אין „רעמעסלענני קלוב") „קאָלדוניאַ" (די כשוף-מאַכערין). די בילעטן פאַר די ערשטע פאָרשטעלונגען זיינען תיכף אויספאַרקויפט געוואָרן, מען פלעגט איבערצאָלן די פּרייזן. דער עולם איז געווען פאַרכאַפּט פון שפּילן. עטלעכע וואָכן האָט דאָ די טרופּע געשפּילט צו 4-5 מאָל אַ וואָך ביי אַ פול געפּאַקטן זאַל.

ליברעסקאָ דערציילט: „געלט האָט אָנגעהויבן פליסן צו אַלדע רוחות. מ'האָט זיך געוואָרפן מיט געלט ווי מיט בלאָטע. גאָלדפאַדען האָט גענומען אייניקע צימערן אויף רישעלעווסקאַ (שפּעטער פּושקינסקאַיאַ) גאַס און דאָרט געעפנט אַ טעאַטראַלנאַיאַ קאָנטאָרע. גאָלדפאַדען אַליין האָט זיך דאָרט געהאַט אַ באַזונדער צימער. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ שווייצאַר אין אַן אוניפאָרם, און ווער עס האָט געוואָלט אַרײַנגיין, אַפילו אַן אַקטיאָר פון דער טרופּע, האָט מען געמוזט פריער זיך מעלדן."

ווען די טרופּע פירט אויף „ברײַנדעלע קאָזאַק" מיט מאַרגאַרעטאַ שוואַרץ אין דער טיטל-ראָל, ברעכט אויס אין טעאַטער אַ סקאַנדאַל מצד פיל באַזוכער, וועלכע האָבן געזען אין רומעניע ראָזע פרידמאַן אין דערדאָזיקער ראָל, און אויף זייער פאַרלאַנג ברענגט מען ראָזע פרידמאַן פון יאַסי, וואו זי האָט שוין דערווייל געשפּילט מיט אַן אייגענער טרופּע.

דעם 12 מאַי 1879 איז ג.'ס טרופּע אַריבער פון „קלוב" אין מאַרינסקי טעאַטער, וואו מען האָט באַלד אויפגעפירט „ברײַנדעלע קאָזאַק" מיט ראָזע פרידמאַן. דאָס טעאַטער איז געווען איבערפולט. „האָט מען — לויט ליברעסקאָ — אָנגעהויבן ערשט אַ לעב צו טאָן: נעבן אָדעס איז פאַראַן אַ דאַטשע און לעב-אָרט אַקערזש, וואָס מען האָט גערופן אויף דייטש „ליבענטאַל", ווייל עס איז געווען נעבן דייטשישע קאָלאָניעס. אָט דאָרט האָט זיך גאָלדפאַדען באַזעצט מיט דער גאַנצער טרופּע. יעדער האָט זיך גענומען

איניקע צימערן. די חברה צוזאַמען האָבן פאַרנומען אפשר אַ האַלבדאָרף און אַז אַ גביר האָט געוואָלט דאָרט אַרויספאָרן, האָט ער שוין ממש נישט געהאַט קיין אָרט. אַזוי ווי ליבענטאַל ליגט איבערן טייך, האָט די טרופּע זיך אָפּגעדונגען אייגענע שיפלאַך אויפן טייך, און זי האָט אויך געהאַט ספּעציעלע אָפּגעדונגענע 3 לינייקעס (צופאָר-וואַגאָנעס), וועלכע האָבן צוגעפירט נאָר די טרופּע."

די אָרטיקע רוסישע פּרעסע, וועלכע האָט אין אָנהייב אויפגענומען מיט רעזערוו ג. און זיין טרופּע, האָט באַלד נאָך די ערשטע פאָרשטעלונגען אָנגעהויבן געבן וואַרעמע נאָטיצן און כסדר באַטאָנט, אַז ג. פאַרדינט אַ דאַנק וואָס אין זיינע פּיעסן פירט ער „אָן אָפּענעם, אומדערשראָקענעם קאַמף מיטן פאַנאַטיזם פון יידישן פאָלק."

אָבער דידאָזיקע גינסטיקע לאַגע האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. ג. האָט — לויט י. רימיניק — ניט געהאַט קיין דערלויבניש אויף צו שפּילן רעגולער טעאַטער, נאָר אויף איינצואָרדנען „ליטעראַריש-מוזיקאַלישע אָוונטן" און דערפאַר האָט ער אפנים נישט באַנוצט אויף די אַפישן דעם טערמין „אַקטן" נאָר „אָפּטיילונגען", ווי מען איז זיך געוויינלעך נוהג ביי „אָוונטן". די אָרטיקע רוסישע צייטונג „נאָווי טעלעגראַף", וועלכע האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקע סימפּאַטיע צו ג.'ס טעאַטער, האָט דעריבער אַמאָל בפירוש געשריבן: „מיר מיינען, אַז אויף דעם סמך [פון ניט האָבן אַ דערלויבניש] דאַרף פאַרבאָטן ווערן גאָלדפאַדענען צו געבן טעאַטער-פאָרשטעלונגען", און דער דאָזיקער פאַרבאָט איז טאַקע באַלד געקומען. וועגן דעם ענין שרייבן נ. אויסלענדער און או. פינקעל: „מצד דער צענזור און דער מאַכט בכלל באַגעגנט גאָלדפאַדען געוויסע שטערונגען, אָבער עס גיט זיך אים איין צו באַזייטיקן זיי. אין איניקע חדשים נאָכדעם ווי דער טעאַטער האָט שוין געזיכערט זיין דערפאָלג אין אָדעס, האָט זיך פּלוצלונג די דראַמאַטישע צענזור אין פּעטערבורג אַרומגעזען, אַז גאָלדפאַדענס פּיעסן זיינען נישט באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער הויפּט-צענזור-פאַרוואַלטונג. זיי פלעגן בלויז דורכגעקוקט ווערן דורך דעם אָדעסער יידישן צענזאָר. די פאָרשטעלונגען זיינען פאַרבאָטן געוואָרן."

ג. פאָרט דאַמאָלט קיין פּעטערבורג זיך משתדל זיין און ליבערסקאָ מיט דער טרופּע פאָרן קיין יאַסי, וואו זיי שפּילן איניקע חדשים אין „פּאַמול ווערדע", ביז עס קומט פון ג. אַ טעלעגראַמע, אַז ער האָט באַקומען אַ דערלויבניש צו שפּילן יידיש טעאַטער איבערן גאַנצן תחום-המושב פון רוסלאַנד.

סוף 1879 איז די טרופּע צוריקגעקומען אין אָדעס, און נאָכן שפּילן דאָ אַ קורצע צייט, איז זי אָפּגעפאָרן מיט ג. קיין ניקאָלאַיעוו. גלייכצייטיק אָרגאַניזירט ג. אונטער דער אָנפירונג פון זיין ברודער נפתלי אַ צווייטע טרופּע, וועלכע ער שיקט אַוועק שפּילן אין קעשעניעוו [לויט ב. גאָרין האָט נפתלי געפירט די טרופּע צוזאַמען מיט אַ געוויסן קרוג, וועלכער האָט באַקומען פאַר ג. די דערלויבניש צו שפּילן; לויט יעקב פּ. אַדלער איז די טרופּע געשטאַנען אונטער דער פירונג פון ג.'ס ברודער נפתלי און פון ישראל ראָזענבערג].

אָבער דידאָזיקע 2 טרופּעס זיינען מער ניט די איינציקע. איניקע אַקטיאָרן, וועלכע זיינען אַרויס פון ג.'ס טרופּע, האָבן פאַר זיך צוזאַמענגעשטעלט באַזונדערע טרופּעס. איינע פון זיי, וועלכע ווערט אָנגעפירט פון מאָגולעסקאָ און יאָזעף לאַטיינער, (וועלכער האָט פאַר דער טרופּע געשריבן פּיעסן), פאַרמעסט זיך אפילו צו קאָנקורירן מיט ג. און זי קומט אין אָדעס (27 מערץ 1880). אַזוי ווי ג. האָט שוין פון פריער זיך געגרייט צו מאַכן אַ טורנע, פאָרט ער מיט זיין טרופּע קיין פּאָלטאַווע, וואו ער שפּילט אַ קורצע צייט און קומט ווידער (אין אַפּריל 1880) אויף אַ קורצער צייט אין אָדעס. פון מאַי ביז אין מיטן יוני 1880 שפּילט ג.'ס טרופּע אין ראָסטאָוו און דעם 20 יוני 1880 הייבט זי אָן שפּילן אין כאַרקאָוו, וואו זי בלייבט איניקע וואָכן.

אין משך פון דערדאָזיקער צייט שרייבט אָן ג. און פירט אויף זיין קאָמעדיע „דער פאַנאַטיק" אָדער „די ביידע קוני לעמעל".

לויט ליבערסקאָ איז דער אָריגינאַל פון דער פּיעסע אַ דייטשיש ביכל „נאַטהאַן שלומיאַל", וועלכעס לאַטיינער האָט שפּעטער פאַר זיין טרופּע באַאַרבעט אַלס פּיעסע א"נ „די צוויי שמואל שמעלקעס".

צוערשט איז די קאָמעדיע געשפּילט געוואָרן אונטערן נאָמען „דער פאַנאַטיק", נאָר שפּעטער איז זי ס'רוב געשפּילט געוואָרן אונטערן נאָמען „קוני-לעמעל", וואָס איז געוואָרן אַ שם-דבר ביי די טעאַטער-גייער.

די קאָמעדיע איז ביז היינט צו טאָג אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער.

אין 1924 איז די קאָמעדיע אין אַ נייער אינסצעניזאַציע פון ז. טורקאָוו אויפגעפירט געוואָרן אין וואַרשעווער צענטראַל-טעאַטער.

דעם 25 יאַנואַר 1924 איז די קאָמעדיע אין אַ מאָדערניזירטער פאָרם אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער (רעזשי — מאָריס שוואַרץ, דעקאָראַציעס — סעם אָסטראָווסקי, מוזיק — אברהם גאָלדפאַדען, רעאַראַנזשירט א. אָלשאַנעצקי).

שער־בלאַט פון דער וואַרשעווער אויסגאַבע

אין 1926 האָט דער יידישער מלוכה-טעאַטער אין אוקראַינע אויפגעפירט „ביידע קוני לעמל", אַ קאָמעדיע-וואָדעוויל אין 3 אַקטן, 8 עפּיזאָדן. שטעלונג און טעקסט-מאָנטאַזש פון אפרים לויטער, קינסטלער [דעקאָראַציעס] — ראַביטשעוו, מוזיק — שטיינבערג, טענץ — באַיקאַ.

י. קאַנטאָר שרייבט אין „די רויטע וועלט" וועגן דער אויפירונג: „אידעאָלאָגיש האָט די באַאַרבעטונג פון דער פּיעסע געשאַפן אַ

בייסיקע סאַטירע אויפן אַמאָליקן יידישן שטייגער, שטעמפּלענדיק אים אינגאַנצן מיט אַ שאַרף אויסגעדריקטן וואָדעווילישן קאָלאָריט. דערביי האָט ער [דער טעאַטער] זיך שטאַרק אָפּגעהיט צו איבערבויען די פאַבולע אַזוי, אַז זי זאָל זיין נאָנטער צו אונזער היינטאָגיקייט. און אפשר איז ער גערעכט. פאַר אַ יובּיליי-ספּעקטאַקל פּאַסט מער אויסגעהאַלטנקייט אין סטיל פון גאָלדפאַדענס נאַאיווער פאַבולע. ער האָט, מער ניט, אַרויסגעוואָרפן די אַלע משׂכּיליש-דאָקטרינערישע און פּאָזיטיוו-העלדישע ראָלן און פאַרביטן זיי מיט קאַריקאַטורן. דער טעאַטער איז, אַזוי צו זאָגן, צוגעגאַנגען צו גאָלדפאַדענען און געגעבן אים „פון דעם שטאַנדפּונקט פון אונזער צייט“, אָט אַזוי ווי זיי, די קעמפער פאַר „השׂכּלה בת השמים“, די יידישע „זאַפּאַדניקעס“ זעען אונז אויס (קאַראַלינאַ) פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט, אויף אָט דעם פאָן געוויזן אונז דעם פּשוטן עמך פון יענער צייט, דעם יידישן פריילעכן קבצן, דעם בעל-מלאכה-יונג. די אַריינגעפירטע אינטעראָדיעס [אינטערמעדיעס און אינטערמעצאָס] בינדן זיך כּמעט אינגאַנצן ניט מיט דעם טעקסט, אויב ניט רעכנען דאָס, וואָס זיי ווערן געגעבן אַלס פּאָליטישע פּאַראָדיעס פון קוני-לעמעל-שפּיל“.

דעם 6 אָקטאָבער 1927 איז די קאָמעדיע אין העברעאיש [פריי לויט דער איבערזעצונג פון מר—דרור] אויפגעפירט געוואָרן אין תּל-אביב (רעזשי נחמן זיבעל, מוזיק [באַאַרבעט] פון גבריאל גראַד, קאָסטיומען און דעקאָראַציעס פון א. סיגראַד.)

אַ מאַנוסקריפּט פון דער פּיעסע געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו-יאָרק.

זייט 1887 איז די קאָמעדיע דערשינען אין פיל אויפלאַגעס.

10 מוזיק-נומערן פון „קוני לעמעל“, אַראַנזשירט פון יאָזעף רומשינסקי, זיינען דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני“.

אין העברעאיש איז די קאָמעדיע אין דער איבערזעצונג פון מר-דרור געווען געדרוקט אַלס ספּעציעלע ביילאַגע צו דער „השקפה“ אין ירושלים און איז דערנאָך דערשינען אין אַ סעפּאַראַטער אויסגאַבע.

ווי ב. גאָרין גיט איבער, האָט גאָלדפאַדען זיך דערוואוסט, אַז „מאָגולעסקאָ קלייבט זיך צו שטעלן לאַטיינערס אַ פּיעסע „די ליבע פון ציון“, אַ שטיק, וואָס איז געווען גענומען פון ווערבעלס „בור וחולדה“ און פון מאַפּוס „אהבת ציון“. איצט האָט זיך גאָלדפאַדען דערמאָנט, אַז נאָך אין רומעניען האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן אַ פּיעסע „שולמית“, וואָס האָט זיך אויך געשטיצט אויף „בור וחולדה“, און ער האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט איצט געפילט, אַז ער דאַרף עפּעס אויפטאָן, און אויפטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל קלאָר און דייטלעך מאַכן, אַז די בינע האָט נאָר איין צויבערער און דאָס איז קיין אַנדערער ווי גאָלדפאַדען. אין ניקאָלאַיעוו האָט ער „שולמית“ געענדיקט און דאָרטן אויפגעפירט און זי האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רעש. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווי מען האָט געזען אויף דער יידישער בינע [אין רוסלאַנד] אַ היסטאָרישע פּיעסע. דער דערפאָלג איז געווען אַזאַ גרויסער, אַז מען האָט אָנגעהויבן צו שפּילן יעדן אָוונט, אויך פרייטאָג צונאַכטס. . . . „שולמית“ איז אַן אָפּערעטע און די מוזיק האָט גאָלדפאַדען אַליין געשאַפן. גאָלדפאַדען איז ניט געווען קיין מוזיקער, נאָר ער האָט ליב געהאַט נגינה און געהאַט דערין אַ בעל-הבּיתישן באַגריף. . . [זילבערבוש דערציילט, אַז ג. „קלאַפּט שטייענדיק מיט די שפּיץ-פינגער אויף די ביינדלעך“. דער מוזיקער דוד הירש גיט איבער, אַז ג. האָט ניט געקענט קיין נאָטן און פלעגט זיך פאַרצייכנען די ניגונים, וועלכע זיינען אים איינגעפאַלן דורך אייגענע נאָטן-סימנים. אין אַ טייל פּיעסן איז די מוזיק געווען

אַ דאָפּלטע: אין רוסלאַנד, למשל, פלעגט מען שפּילן די פּיעסען מיט מאָטיוון גענומען פון רומענישן און אין רומעניע — מיט רוסישע מאָטיוון] . . . דאַמאָלט האָט מאָגולעסקאָ געשפּילט אין זיין [ג.'ס] קאָמפּאַניע און אַזוי ווי דער לעצטער איז געווען אַ מנגן, האָט ער זיך מיט אים מישבֿ געווען וועגן דער מוזיק. און מאָגולעסקאָס השפּעה פאַרשפּרייט זיך כּמעט איבער דעם גאַנצן ערשטן אַקט. דאָס האָט ער צוגעפּאַסט וועלוועלע שעסטאָפּאָלערס „לך השם הגדולה“ צום ערשטן כאָר „אָנגעלאָדן מיט אַלעם גוטס“. די סאָלאָ, וואָס שולמית זינגט ווען זי פאַרבלאָנדזשעט: „לאָז זשע דיין נס“ איז גענומען פון זעלביקן וועלוועל שעסטאָפּאָלערס „ד' זכרני“ (הלל) און אַזוי כּמעט דורך דעם גאַנצן אַקט. . . . עס איז אויך נויטיק צו באַמערקן אַז גאָלדפאַדען האָט אַליין אויך געשאַפן ניגונים פאַר „שולמית“. אין צווייטן אַקט איז גאָלדפאַדענס „קום צו מיר, דו שיינער בחור“ ווי אויך דער געזאַנג פון חתן און כאָר און דאָס גלייכן. די מוזיק פון דעם „פּאַסטוכל“ [די פּאַסטוך-סאָלאָ ביים „פלאַקער פייערל“] האָט געגעבן מינדל צוקערמאַן פון אַ טערקישן ליד.“

דער טעקסט און די מוזיק צום ליד „פון צווייגן די פידלען“, וועלכעס איז מיט יאָרן שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן אין „שולמית“, איז געשריבן פון לעמבערגער אויבער-קאַנטאָר האַלפּערן.

ב. גאָרין דערציילט, אַז בעת די טרופּע א"ר פון סופלער בערגער האָט [בערך 1883] אין בערלין אויפגעפירט „שולמית“ אויף אַ פּראָבע-פאָרשטעלונג פאַר קינסטלער, האָט פּראָפ יאָאַכים געבעטן צוקערמאַנען צו שיקן אין זיין נאָמען אַ דאַנק צו ג. פאַר דער מוזיק פון צווייטן אַקט.

„שולמית“ איז געשפּילט געוואָרן אויף אַלע יידישע בינעס.

די מוזיק פון „שולמית“ איז שפּעטער רעאַראַנזשירט געוואָרן אין פּוילן דורך יצחק שלאָסבערג און דורך יאָזעף רומשינסקי אין ניו-יאָרק. שלום סעקונדאַס באַאַרבעטונג פון „שולמית“ אין אָפּערע-פאָרם (3טער אַקט) איז אויפגעפירט געוואָרן אין 1922, אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט-טעאַטער. דער 1טער אַקט פון דער דאָזיקער באַאַרבעטונג אַלס אָפּערע איז אויפגעפירט געוואָרן אין 1928 אין ברוקלינער ראָלאַנד-טעאַטער און אַ טייל פון 2טן אַקט אין זעלבן טעאַטער אין 1929.

דעם 27 יאַנואַר 1929 איז א"ל פון יאָזעף רומשינסקי דורכגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרק „שולמית“ אויף דער ראַדיאָ.

זייט 1886 איז די פּיעסע דערשינען אין פיל אויפלאַגעס אין פאַרשיידענע לענדער. אין 1911 איז אין גאַליציע דערשינען אין יידיש אַ ליברעטאָ פון דער פּיעסע און דער טעקסט פון די לידער.

25 מוזיק-נומערן פון „שולמית“, אַראַנזשירט פון ה. א. רוסאָטאַ, זיינען דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני“.

„שולמית“ איז אין 1888 אונטערן איינפלוס פון יונאַשאַ קלעמענסעס איבערזעצונגען פון דער יידישער ליטעראַטור, איבערזעצט געוואָרן אין פּויליש און אויפגעפירט געוואָרן מיט דערפאָלג אין אַ פּויליש טעאַטער.

יהושע מזח גיט איבער אין זיין ביכל „במת ישחק“, אַז „שולמית“ איז איבערזעצט געוואָרן אויף פּויליש פון י. בערנאַס און איז דורך פּוילישע אַקטיאָרן געשפּילט געוואָרן אין טעאַטער „אַלהאַמבראַ“ [אין וואַרשע] 9 מאָל נאָכאַנאַנד.

בערך 1899 איז „שולמית“ אויפגעפירט געוואָרן אַלס „ליריש-ראָמאַנטישע אָפּערע אין 4 אַקטן“ אין אונגאַריש אין אַ בודאַפּעסטער טעאַטער. דערביי איז אַלס מחבּר פון דער אָפּערע אָנגעגעבן געוואָרן א י ז י ד אָ ר גאָלדפאַדען און אַלס קאָמפּאָזיטאָר עמנואל דאַווידזאָן [מסתּמא דער אַראַנזשירער פון דער מוזיק].

די אויפֿירונג האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג און איז אַ לענגערע צייט געגאַנגען ביי אויספֿאַרקויפֿטע הייזער.

ג. האָט זיך געפֿילט באַליידיקט דערפֿון וואָס מ׳האָט איבערגעדרייט זיין נאָמען און אנגעגעבן אַ פֿרעמדן נאָמען אַלס קאָמפּאָזיטאָר און ער האָט וועגן דער פֿראַגע אָפּגעדרוקט אַ גרעסערן אַרטיקל אין דער יידיש-דייטשער צייטשריפֿט „די וועלט“ (19, 1900), אין וועלכן ער גיט איבער וויכטיקע אינפֿאָרמאַציעס וועגן זיין קאָמפּאָזיטאָרישער טעטיקייט.

ג. האָט אויך שפּעטער פֿאַרפֿירט אַ פּראָצעס קעגן אונגאַרישן טעאַטער וועגן האָנאָראַר און דער פּסק-דין פֿון אונגאַרישן געריכט איז געווען, אַז בלויז דער טעקסט איז ג.׳ס, בעת די מוזיק איז דורך אים נאָר צונויפֿגעקליבן.

אויך אין העברעאיש איז דערשינען אַ איבערזעצונג פֿון „שולמית“ פֿון יעקב לערנער, אָבער זי איז קיינמאָל ניט אויפֿגעפֿירט געוואָרן.

אין ענגליש איז „שולמית“ איבערזעצט געוואָרן פֿון אברהם בלום אין יאָזעף רומשינסקים באַאַרבעטונג אַלס אָפּערע. די איבערזעצונג איז ניט אויפֿגעפֿירט געוואָרן.

אויף רוסיש איז „שולמית“ איבערזעצט געוואָרן פֿון א. ליכטענשטיין און איז אַ סך מאָל געשפּילט געוואָרן. עס זיינען אויך באַקאַנט אויפֿפֿירונגען פֿון „שולמית“ אויף אוקראַאיניש אין די איבערזעצונגען פֿון די אוקראַאינישע פּיעסן-שרייבער סוכאָדאָלסקי און קאַליסניטשענקאָ.

אין ריגע איז דערשינען אין 1883 אַ ליברעטאָ פֿון „שולמית“ אויף דייטש (6 זז.)

יעקב מעסטעל האָט אין די יאָרן פֿון דער וועלט-מלחמה געזען אין אונגאַרן אַ פֿילם „שולמית“, אויסגעפֿירט פֿון אַן אונגאַרישער טרופּע.

ביז סוף 1880 באַזוכט ג. מיט זיין טרופּע דאָס רוב נאָר די שטעט פֿון דרום-רוסלאַנד (נאָך ניקאָלאַיעוו שפּילט ער אַ קורצע צייט ווידער אין אָדעס, דערנאָך אין יעליסאַוועטגראַד, קרעמענטשוג, כאַרקאָוו א. א.). דאָ האָט ער די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אַ נייעם עולם, וואָס האָט אַרויסגעוויזן ניט נאָר פֿרייִשע באַגייסטערונג פֿאַר זיין טעאַטער, נאָר אויך אַ נייע מין אָפּשאַצונג פֿון זיינע פֿאַרדינסטן. אָבער אין דער זעלבער צייט ווערט אין דער רוסיש-יידישער פּרעסע און אין דער קלעריקאַלער צייטונג „הישראלי“ אין מיינץ געפֿירט אַן אָרגאַניזירטער סיסטעמאַטישער קאַמף קעגן ג., וועלכער „פֿאַרשפּאָטעט דאס יודנטום [און] אהנט דעם יודנטום זאָלכע אפשויליכע זאַכען (ווי גנבה, רציחה, שכרות).“

וועגן די גאַסטראָלן פֿון ג.׳ס טרופּע אין מאָסקווע (וואו זי האָט געשפּילט אין זומער-טעאַטער פֿון דייטשן קלוב פֿון 3(15) אויגוסט ביזן 16 (28) סעפּטעמבער 1880), שרייבט ב. גאָרין: „דאָ איז די גאַנגבאַרסטע סחורה געווען „שמענדריק“ און דאָס פּובליקום איז געווען אַ געמישטע[ס]. מען רעכנט, אַז אַ העלפֿט באַזוכער זיינען געווען קריסטן און אַזוי גיך ווי די ערשטע פֿאָרשטעלונגען זיינען געגעבן געוואָרן, האָט מען אָנגעהויבן צו באַגריסן יידן אין די מאָסקווער גאַסן מיטן נאָמען „שמענדריק“. וואו נאָר אַ קריסט האָט באַגעגנט אַ יידן, האָט ער אים גערופֿן שמענדריק. דאָס איז זייער ניט געפֿעלן געוואָרן די מאָסקווער יידן און זיי האָבן אָנגעהייבן מורמלען קעגן גאָלדפֿאַדען. די יידישע אינטעליגענץ האָט אים אויפֿגעוואָרפֿן, אַז מיט זיינע שטיקער ברענגט ער אַ חרפּה אויפֿן יידישן נאָמען און מ׳איז אים אַזוי דערגאַנגען די יאָרן, אַז נאָכדעם ווי זיין טרופּע האָט דאָרט געשפּילט דריי חדשים, [לויט א. גורשטיין — נאָר 14 פֿאָרשטעלונגען אין משך פֿון 6 וואָכן], האָט ער ערקלערט צוקערמאַנען, אַז ער איז שוואַך און אויסגעמאַטערט און ער וויל אָפּרוען, און דערביי האָט ער אים געמאַכט אַ פֿאָרשלאַג, אַז ער [צוקערמאַן] זאָל נעמען די טרופּע און אַוועקלאָזן זיך אין דער ליטע און אַליין איז גאָלדפֿאַדען אַוועקגעפֿאָרן נאָך קיעוו.“

סוף סעפּטעמבער 1880 האָט פּאַקטיש אַ טייל פֿון ג.׳ס טרופּע א״פ פֿון לייזער צוקערמאַן געשפּילט אין מינסק, אָבער אַ צווייטער טייל פֿון דער טרופּע מיט ג. אין דער שפּיץ איז געפֿאָרן קיין בערדיטשעוו.

סוף 1880 און אין די ערשטע חדשים פֿון 1881 איז ג. מיט דער טרופּע אַרומגעפֿאָרן איבער באַלטאַ און דערמיט האָט זיך פֿאַרענדיקט זיין ערשטע גרעסערע נסיעה איבער רוסלאַנד.

„עס איז קלאָר — שרייבן נ. אויסלענדער און או. פֿינקעל — אַז בעת דער רייזע, וואָס האָט געבראַכט גאָלדפֿאַדען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט אַזאַ אומגעהויער ברייטער אוידיטאָריע, איז דער וועזן פֿון גאָלדפֿאַדענס טעאַטער ניט געבליבן אומפֿאַרענדערט, פֿאַרגליווערט. שוין דער פֿאַקט אַליין, וואָס אין פֿאַרלויף פֿון דער רייזע פֿלעגן אין פֿאַרשיידענע שטעט צוקומען נייע אַקטיאָרן, על פּי רוב פּשוטע פֿאָלקס-מענטשן, מיט אָרגאַנישער פֿאָלקסטימלעכער באַציאונג צו טעאַטער-שפּיל, האָט דאָך גאָלדפֿאַדענען געמוזט ציען צו באַגעגנען זיך מיט דער סביבה פֿון די פּעטערבורגער און מאָסקווער מפֿונקים ,וואָס האָבן שוין עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד מיט אומצוטרוי און גרינשעצונג צוגעזען דעם טריומף פֿון גאָלדפֿאַדענס טעאַטער.“ אָבער — „... מיר ווייסן ניט וועלכע סבות האָבן אַזוי לאַנג אָפּגעהאַלטן גאָלדפֿאַדענען פֿון באַזוכן די ליטווישע שטעט. עס קאָן זיין, אַז דאָ האָט מיטגעווירקט דאָס, וואָס דער דיאַלעקט אויף וועלכן עס האָבן גערעדט גאָלדפֿאַדענס אַרטיסטן און גאָלדפֿאַדען אַליין אויך, איז געווען דער דרום-דיאַלעקט, וואָס האָט געקאָנט אין דער ליטע שטערן דעם טעאַטראַלן עפֿעקט. אָבער אייניקן זיינען געקומען געשעענישן, וועלכע האָבן געצוואונגען גאָלדפֿאַדענען אָפּצוזאָגן זיך פֿון זיין מאַרשרוט איבער דרום-רוסלאַנד. אין אַפּריל 1881 [אגב איז ג. שוין פֿריער אַוועק פֿון דרום-רוסלאַנד] האָט זיך אויפֿגעהויבן אין דרום-רוסלאַנד די פּאָגראָם-כוואַליע, פֿון וועלכער עס האָבן געליטן דער הויפּט די אָרעמסטע שיכטן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. דאָס האָט געמוזט שטעלן אונטער אַ געפֿאַר די עקסיסטענץ פֿון גאָלדפֿאַדענס טעאַטער. גאָלדפֿאַדענס טעאַטער, וואָס האָט אַלע מאָל געהאַט די לעבעדיקסטע באַהעפֿטונג מיט די אָרעמסטע שיכטן, האָט גלייך געמוזט דערפֿילן די אָנגעקומענע פֿאַראָרעמונג און רואינירונג פֿון די יידישע מאַסן. אויפֿן דרום איז ניט געבליבן קיין אָרט פֿאַרן יידישן טעאַטער. גאָלדפֿאַדענס טרופּע ציט זיך איבער אין יענע געגנטן, וועלכע זיינען געווען מער געזיכערט פֿון דער פּאָגראָם-כוואַליע“.

לויט יעקב פּ. אַדלערס זכרונות, האָט ג.׳ס טרופּע געשפּילט „שולמית“ אין דווינסק, וואו עס איז דעם 1 מערץ 1881 (צוליב דער דערמאָרדונג פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן) פֿאַרווערט געוואָרן צו שפּילן. די טרופּע איז שפּעטער געפֿאָרן קיין מינסק, וואו זי איז איבערגעגאַנגען אין אַ „מאַרקן-געשעפֿט“. באַלד אָבער האָט ג. ווידער איבערגענומען די דירעקציע און אין זומער 1881 האָט אַדלער אָנגעפֿירט אַ סטרייק אין דער טרופּע קעגן ג.

אין יולי 1881 איז ג. מיט דער טרופּע [א״פ פֿון ג. און צוקערמאַן] אָנגעקומען אין פּעטערבורג און דעם 23 יולי (א.ס.) איז אין קרעסטאָווער גאָרטן פֿאָרגעקומען די ערשטע פֿאָרשטעלונג. די מיינונג פֿון דער רוסישער פּרעסע בנוגע דעם כאַראַקטער פֿון ג.׳ס טעאַטער און בנוגע דעם שפּילן פֿון מענער-פּערסאָנאַל איז אַ גע-

טיילטע, אָבער אַלע באַטאָנען די שוואַכע זייט בנוגע דעקאָראַציעס און מוזיקאַלישער באַגלייטונג ווי אויך דעם מאַנגל פון פרויען-כחות. דעריבער, ווען די טרופּע באַשליסט צו פאַרבלייבן אין פּע-טערבורג אויפן ווינטער און גייט איבער צו דעם צוועק אין אָק-טאָבער 1881 אין זאַל פאַר ביליקע דירות, ווערט די בינע רעמאָנ-טירט, מ׳באַשטעלט נייע דעקאָראַציעס און צוקערמאַן פאָרט אַנגאַ-זשירן איניקע אַקטריסעס.

דער רעפּערטואַר באַשטייט אין אָנהייב פון די געשפּילטע פּיעסן, אָבער די נעגאַטיווע באַציאונג פון יענער יידישער געזעלשאַפט-לעכער מיינונג, וועלכע אינטערעסירט זיך מיטן טעאַטער, צווינגט ג. צו ענדערן דעם כאַראַקטער פון זיין רעפּערטואַר.

„דער מער אויפגעקלערטער טייל פון דער יידישער געזעלשאַפט — דערציילט ש. אַנסקי — וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ טיפער אַכטונג צום געדרוקטן וואָרט, איז געווען שאָקירט פון דעם לייכט-זיניקן כאַראַקטער פון רעפּערטואַר פונם יידישן טעאַטער, און גאָלד-פאַדען, וועלכער האָט זיך צוגעהערט צו די מיינונגען פון דער אינ-טעליגענץ, האָט גענומען שרייבן נאַציאָנאַלע דראַמען אויף היסטאָ-רישע טעמען.“

נ. אויסלענדער און או. פינקעל באַמערקן צו דעם:

„...ווען גאָלדפאַדען איז געפאָרן קיין פּעטערבורג, איז ער אַליין שוין ניט געווען ענלעך צו דעם גאָלדפאַדען, וואָס איז מיט אַ יאָר צוריק אַרויסגעפאָרן פון אָדעס... פון די לידער און [שפּעטער-דיקע] פּיעסן זיינע, וואָס האָבן דירעקט באַהאַנדלט דעם פּאָגראָם-סוזשעט, זעט מען, ווי די פּאָגראָם-צייט האָט אומגעביטן גאָלד-פאַדענס געדאַנק און געשטויסן אים צו גיין אויפן וועג פון חבת-ציון.

...אין אַן אינטערוויו, וואָס ער האָט דאַמאָלט געגעבן אַ פאָר-שטייער פון „ראַזסוועט“, האָט ער שוין גענומען ריידן מיט אַ באַ-זונדערע[ר] גרינגשעצונג וועגן זיינע פריערדיקע ווערק. דער פאָלקס-טימלעכער קאָמיזם פון זיינע פריעריקע פּיעסן, וואָס גייען אַזוי גרינג איבער פון סאָציאַלער סאַטירע צום וואָדעוויל און פאַרס, די אויסלאַכונג פון די נעגאַטיווע געשטאַלטן פון יידישן לעבנס-שטייגער, וואָס איז ביז אַהער געווען דער לעבעדיקער נערוו פון גאָלדפאַדענס טעאַטער-שפּיל, — דאָס אַלץ האָט איצט גלייך ווי אָנגעוואָרן אין גאָלדפאַדענס אויגן די באַרעכטיקונג. יעדנפאַלס אַזוי האָט ער געוואָלט דאָס אויסמאָלן אין זיין אינטערוויו.“

דעם 12 יאַנואַר (א.ס.) 1882 ווערט אין פּעטערבורג אויפגעפירט ג.׳ס באַארבעטונג נאָך אַ דייטשן ראָמאַן „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאָ“ אָדער „די יידן אין פּאַלערמאָ“, „היסטאָרישע אָפּערעטע אין 5 אַקטן און 11 בילדער.“

„דאָקטאָר אַלמאַסאַדא“ איז פיל יאָרן געווען אין רעפּערטואַר פון אַלע יידישע בינעס.

אַ כתב-יד פון דער פּיעסע געפינט זיך אין דער יידישער אָפּ-טיילונג פון דער „פּאָבליק לייברערי“ אין ניו-יאָרק, 42טע סטריט.

די פּיעסע איז זייט 1887 דערשינען אין איניקע אויפלאַגעס.

די מוזיק צום ליד „פאַריאָמערט, פאַרקלאָגט“, אַראַנזשירט פון ה. רוסאָטאַ, איז דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני“.

די אויפירונג פון אַ „היסטאָרישער“ פּיעסע איז וואַרעם באַגריסט געוואָרן מצד דער יידיש-רוסישער פּרעסע און ג. האָט אפילו גע-נומען צוגרייטן פאַר זיין טרופּע אַן אויפירונג פון זיין באַארבע-טונג פון גוצקאָווס „אוריאַל אַקאָסטאַ“, וועלכע איז דאַמאָלט גע-שפּילט געוואָרן דורך אַן אַנדערער טרופּע אין לערנערס באַארבע-טונג.

אָבער אין פעברואַר 1882 פאַרלאָזט ג. פּעטערבורג און לאָזט זיך אַרויס מיט זיין טרופּע איבער רוסלאַנד. דאָ קומט אים אָפט אויס צו קומען אין פיינטלעכע צוזאַמענשטויסן מיט קאָנקורענץ-טרופּעס (א״פ פון לערנער, מאָגולעסקאָ א. א.), אָדער אויך צו שליסן מיט זיי שותפות. אַזוי שפּילט ער מיט לערנער בשותפות סוף 1882 אין אָדעס.

אין יאַנואַר 1883 איז ג. זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט זיין שותף און אַליין פאָרטגעזעצט די פאָרשטעלונגען פון זיין טרופּע אין אָדעסער האַנטווערקער קלוב, וואו ער פירט אויף דעם 26 יאַנואַר 1883 זיין איבערזעצונג פון „אוריאַל אַקאָסטאַ“. [„אוריאַל אַקאָס-טאַ“ — „ טראַגעדיע אין 5 אַקטן, איבערזעצט פון דער דייטשער שפּראַכע און אַראַנזשירט פאַר דער יודישער סצענע, אין 10 בילדער מיט קאָהרע [געזאַנג] פון א גאָלדפאַדען“.

אין טעאַטער-מוזיי ביי יוו״א געפינט זיך אַ מאַנוסקריפּט „אוריאַל אַקאָסטאַ, באַארבעט אונד איבערזעטצט מיט צופיגונג מוזיק פיר דעם ניו-יאָרקער אידישען פובליקום.]

אין פעברואַר 1883 גייט איבער ג.׳ס טרופּע אין מאַרינסקי טעאַ-טער און פירט דאָ אויף ג.׳ס פּיעסע „יהודה המכבי“.

שער־בלאַט פון דער וואַרשעווער אויסגאַבע

[דוד קעסלער גיט אָן אין זיינע זכרונות, אַז זיינער אַ פריינט פון קעשעניעוו מיטן נאָמען קאָרעס איז געקומען אין אָדעס און האָט געגעבן גאָלדפאַדענען אַ פּיעסע „די מאַקאַבעער“, וועלכע איז באַלד דערויף אויפגעפירט געוואָרן. עס איז אָנצונעמען, אַז די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן אין ג.׳ס באַארבעטונג און איז שוין פאַר-בליבן אין רעפּערטואַר אונטער ג.׳ס נאָמען].

אַ מאַנוסקריפּט געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו-יאָרק.

דעם 5 מאַי (א.ס.) 1883 פירט אויף ג. זיין „בר כוכבא“ (דער זון פון דעם שטערן) אָדער „די לעצטע טעג פון ירושלים“, „אַ מוזי-קאַלישע מעלאָדראַמע אין ריימען אין 4 אַקטן און אַ פּראָלאָג, מיט 14 בילדער.“

דידאָזיקע פּיעסע [אויפן שער-בלאַט באַמערקט דער מחבר, אַז ער האָט זי „באַארבעט פון פאַרשיידענע היסטאָרישע קוועלן“] איז באַלד

נאָך איר אויפֿירונג געוואָרן איינע פֿון די יסוד-פּיעסעס פֿון יידישן טעאַטער אין דער גאַנצער וועלט, און ווערט נאָך היינט גאַנץ אָפֿט געשפּילט.

די מוזיק פֿון דער פּיעסע איז צונויפֿגעשטעלט דורך גאָלדפֿאַדענען פֿון פֿאַרשיידענע קוואַלן: מאָטיוון צו „דאָס פּאַסטוכל" און „געקומען איז די צייט" — האָט אים געגעבן מאָגולעסקאָ, די מוזיק צו „הער דו, בר-כוכבא" איז — לויט דוב זאַוואַדזקי — גענומען פֿון ירוחם הקטן מאָטיוו צו „אהבה רבה", און די „וועכטער-מאָטיוון" אין לעצטן אַקט פֿון נ. בלומענטאַלס קאָמפּאָזיציע צו „לכה דודי" א. א. וו.

לויט יאָזעף רומשינסקי איז די מוזיק צו „אַזוי זאָגט גאָט אַצינד" גענומען פֿון וועלוועלע שעסטאָפּאָלס „געול מרגל". „די שבועה" איז אַ געמיש פֿון שעסטאַפּאַלס „צדיק כתמר יפרח" און הענדעלס „הללויה". דער „מאַרש צו דער קרוינונג" האָט אַ דאָפּלטע ווערסיע: אין רוסלאַנד פֿלעגט מען שפּילן אַ רומענישן פֿאָלקס-מאַרש און אין רומעניע האָט דער מוזיקער פּינקעלשטיין צוגעפּאַסט דערצו דונאַיעווסקיס „אדון עולם".

שפּעטער איז די מוזיק צו „בר כוכבא" מאָדערן אָרקעסטרירט געוואָרן דורך שטיינמאַן אין אָדעס, און ווערט זייט דאַמאָלט געשפּילט אין דער דאָזיקער אָרקעסטראַציע.

דעם 24 פֿעברואַר 1929 איז אין ניו-יאָרק א"ל פֿון א. אָלשאַנעצקי געשפּילט געוואָרן „בר-כוכבא" דורך דער ראַדיאָ.

די פּיעסע איז זייט 1887 געדרוקט געוואָרן אין פֿיל אויפֿלאַגעס אין פֿאַרשיידענע לענדער. אַ חוץ דעם איז אין 1911 דערשינען אין גאַליציע אַ יידישע ליברעטאָ פֿון טעקסט און אַלע לידער.

17 מוזיק-נומערן פֿון „בר כוכבא", אַראַנזשירט פֿון א. גאָרפֿינקעל, זיינען דערשינען אין לאָנדאָנער פֿאַרלאַג פֿון ר. מאַזין קאָמפּ.

20 מוזיק-נומערן פֿון „בר כוכבא", אַראַנזשירט פֿון ה. א. רוסאָטאָ, זיינען דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּ.".

אַן העברעאישע איבערזעצונג פֿון בן-ציון ידידיה איז אין 1927 אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין ארץ-ישראל.

אַן ענגלישע ליברעטאָ, געמאַכט פֿון פּראָפֿ. דאָרף איז דערשינען אין ניו-יאָרק [24 זז. אָן אַ דאַטע].

מ. זייפֿערט גיט אָן אין זיין „געשיכטע פֿון אידישן טעאַטער", אַז „בר כוכבא" איז אויך איבערזעצט און אויפֿגעפֿירט געוואָרן אויף פּויליש.

אָבער „גאָלדפֿאַדנס טעאַטער האָט — לויט נ. אויסלענדער און אוו. פּינקעל — געהאַט נאָך פֿאַרביטערטע שונאים. דאָס זיינען געווען פֿריער פֿאַר אַלץ די פֿאָרשטייער פֿון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע צוזאַמען מיט דער יידישער געלט-אַריסטאָקראַטיע. פֿון פֿאַרשיידענע קוועלן הערן מיר, אַז מסירות אויף דעם יידישן טעאַטער האָבן באַזונדערס געשטאַמט פֿון „אונזערע גרויסע באַנקירן, די פֿאָנען-טרעגער פֿון דער אָפּיציעלער השכלה און פֿון דער אידעע פֿון אַסימילאַציע. אויב אין די פֿריערדיקע צייטן האָבן די אידעאָלאָגן פֿון דער יידישער רעאַקציע באַנוגנט זיך מיט אַ העצע-קאַמפּאַניע אין דער רוסיש-יידישער פּרעסע, איז דאָס איצט שוין, קאָנטיק, געווען ווייניק פֿאַר זיי. זייער פֿאַרלאַנג איז געווען צו אַרויסרופֿן אַ דירעקטן פֿאַרבאָט פֿון יידישן טעאַטער".

און „בר כוכבא" האָט געגעבן צו דעם די געלעגנהייט: „מען זאָגט — לויט ב. גאָרין — אַז די גזרה [דאָס פֿאַרווערן צו שפּילן יידיש טעאַטער] האָט זיך גענומען פֿון אַ מסירה. עמיצער האָט גע'מסרט, אַז „בר כוכבא" איז ניט קיין כשרע שטיק און אַז דער פֿראָלאָג איז געצילט געוואָרן קעגן דער רעגירונג. מען זאָגט אויך, אַז די מסירה איז געקומען פֿון אַ פּראָפֿעסער, וועלכער האָט געהאָפּט צו ווערן צענזאָר און דאָס וואָלט אים געגעבן די אויבערהאַנט אין טעאַטער."

דעם 17 אויגוסט 1883 קומט פֿון פּעטערבורג אַ באַפֿעל, וואָס פֿאַרווערט צו שפּילן יידיש טעאַטער אין גאַנץ רוסלאַנד.

צווישן די יידישע אַקטיאָרן איז אַנטשטאַנען אַ שטאַרקע מהומה. זיי האָבן גענומען וואַנדערן קיין אויסלאַנד. אַ קלענער טייל איז פֿאַרבליבן אין אָדעס און האָט זיך באַטייליקט אין די „פֿאָרשטעלונגען פֿון אַן ענגליש-אַמעריקאַנישע טרופּע קאָמיקער, גימנאַסטן און אַקראָבאַטן", אַנדערע האָבן אויסגעוואַנדערט קיין אויסלאַנד. אויך ג. הייבט אָן טראַכטן וועגן פֿאַרלאָזן רוסלאַנד.

[ס'איז אייגנטלעך ניט קלאָר וואו דער פֿאַרבאָט האָט פֿאַרכאַפּט ג.'ן — אין אָדעס אָדער אין ריגע, וואו אַ טרופּע האָט געשפּילט זיין רעפּערטואַר. פֿון נאָטיצן אין דער אָדעסער פּרעסע איז צו זען אַז בעת דער פֿאַרווער איז אַרויס, איז ג.'ס טרופּע דאַמאָלט אין אָדעס ניט געווען.]

נאָכן פֿאַרבאָט קומט פֿאָר אין ג.'ס טעטיקייט אַ געוויסע ענדערונג. ער טרעט ווידער אַרויס אַלס ליטעראַט. נאָך אין זעלבן יאָר (1883) דערשיינט אין אָדעס „דאָס פֿידעלע" — „זאַמלונג יודישער פֿאָלקס ליעדער, הומאָריסטישע און ערנסטע" [16 ז.], און מיט דעם ענדערט זיך אויך זיין שטעלונג צו דער יידישער שפּראַך: „איך אַליין — שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע אין שיכות צו זיין אָנהייב-טעטיקייט ביים טעאַטער — בין געווען דער ערשטער געגנער פֿון ליבהאָבער-ראָלן אויף דער יידישער בינע, וועגן אייניקע גרינדע: ערשטנס ן מוז געוויינלעך דאָס ליבעס-פּאָר אויף דער בינע פֿירן אַן עלעגאַנטע דייטשע שפּראַכע, און אַזוי ווי די עלעגאַנטע דייטשע שפּראַכע האָבן יענע אַקטיאָרן ניט געקענט, פֿלעגט דאָס פּובליקום פֿאַרדרייען מיט די קעפּ, ווערנד אַן אַקטיאָר האָט גערעדט אַ דייטש וואָרט. פֿון דעם יידישן טעאַטער האָט מען געפֿאָדערט ריין יידיש, אָבער אונזער ריין יידישע שפּראַך איז מער געאייגנט צו אַ וויץ ווי צו אַן ערנסט. און באמתן וואָס פֿאַר אַ פּנים און אַ טעם האָט עס געקאָנט האָבן ווען אַ יידישער לאַנגער באַהעלפֿער-יונג האָט זיך אויסגעצויגן און האָט געזאָגט זיין געליבטער: „דאָס האַרץ קלאַפּט מיר". אין אַלע שפּראַכן האָט עס אַ טעם, נאָר אין זשאַרגאָן האָט עס עפּעס אַ נאָכריח... דער ייד ווייסט גאָרניט דערפֿון. דעם יידן קלאַפּט קיינמאָל ניט דאָס האַרץ. „דאָס האַרץ איז מיר פֿאַרחלשט" — דריקט זיך אויס דער ייד. — „איך וואָלט עפּעס געוואָלט איבערכאַפּן", אָבער ס'זאָל אים קלאַפּן זיין האַרץ פֿון ליבעס-געפֿילע, פֿון דעם ווייסט ער ניט". איצט, אָבער, שרייבט ער אין פֿאָרוואָרט צו „שולמית", וואָס איז אַרויס אין 1883: „דאָס פּובליקום, וואָס האָט שוין געזען שפּילן „שולמית" אויף דער בינע, וועט באַמערקן יעצט וויפֿל איך האָב געענדערט אַ טייל שטעלן. די אורזאַכע דערפֿון וועל איך זיי דערציילן באריכות אין מיין ווערק „די ביאָגראַפֿיע פֿונם יידישן טעאַטער". פֿאַר דער האַנט האָב איך נאָך מיך צו שלאָגן אַצינד איין „על חטא" פֿאַר דעם פּובליקום „שחטאתי" מיט די עטלעכע דייטשע ווערטער, וואָס וואַרפֿן זיך אין דעם ספר בשוגג — גאָט ווייס דעם אמת, אַז איך בין דאָס אויך ניט גערן, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? מסתמא איז אַזוי באַשערט."

ג. דערנענטערט זיך איצט צו דער חבת-ציון-באַוועגונג, ווי עס באַווייזט זיין נייע זאַמלונג לידער א"נ „ישראליק" — אידישע לידער, דערשינען אין אָדעס אין 1884 [24 ז.] און אויך אַנדערע לידער פֿון יענער צייט: „וואַניוּשאַ בן ישי" [איבערגעדרוקט אין וואַרשע אין אַ סעפּאַראַטער אויסגאַבע צוזאַמען מיט יעקב בלייכ-

מאָס איינאַקטער „צוויי מתים עסען פריהשטיק“], „יודעל סעמיט“, א. א.

וויבאַלד אָבער עס ווייזט זיך אַ מעגלעכקייט צו שאַפן אַ טעאַטער אין וואַרשע, פאַרלאָזט ג. אָדעס, רייסט איבער זיין ליטעראַרישע טעטיקייט און פאָרט קיין וואַרשע [לויט ב. גאָרין איז ג. שוין פריער, באַלד נאָך דער אויפירונג פון „שולמית“, געווען אין וואַרשע צוזאַמען מיט פינקעל, כדי צו עפענען דאָרט אַ טעאַטער, אָבער ער האָט ניט באַקומען קיין דערלויבניש].

אין משך פון די יאָרן 1885-87 שפילט ג. אין וואַרשע, אין טעאַטער „בוף“, (דערנאָך גערופן „עלדאָראַדאָ“, איצט „באַגוסלאַווסקי“) מיט אַ טרופע א״נ „יידיש-דייטש-טעאַטער.“

צווישן אַנדערע פיעסן האָט ג. דאָ אויך אויפגעפירט (א״פ פון טאַנצמאַן) זיין אָפערעטע „קעניג אחשורוש“. [די מוזיק איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון אליהו זלמן יאַריכאָווסקי].

די פיעסע איז זייט דאַמאָלט געשפילט געוואָרן כמעט פון אַלע יידישע טרופעס, די לעצטע יאָרן ס'רוב נאָר אין די טעג פון פורים.

דעם 8 יאַנואַר 1925 איז לויט ג.׳ס „אחשורוש“ אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרקער קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער „המן דער ערשטער, המן דער צווייטער“, — נאָך גאָלדפאַדען און שמ״ר, קאָמבינאַציע פון יעקב קאַליך, מוזיק (נאָך גאָלדפאַדען און מאָגולעסקאָ) פון יאָזעף רומשינסקי“.

זייט 1890 איז די פיעסע געדרוקט געוואָרן אין אייניקע אויפלאַגעס אין פאַרשיידענע לענדער.

15 מוזיק-נומערן פון „אחשורוש“, אַראַנזשירט פון ה. א. רוסאָטאַ, זיינען דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פאָבלישינג קאָמפ.“.

די פאָרשטעלונגען אין וואַרשע האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. כמעט ווי אין די ערשטע טעג פון יידישן טעאַטער אין רומעניע. „שולמית“ איז געגאַנגען 150 מאָל ביי געפאַקטע הייזער. אויך דאָ איז דערשינען אַ ספּעציעל ביכל וועגן ג.׳ס טעאַטער — דאָסמאָל אין העברעאיש: „במת ישחק“ פון יהושע מזח. די יידישע פרעסע אין וואַרשע האָט זייער זעלטן געשריבן וועגן דאָזיקן טעאַטער מיטן אויסרייד, אַז זייער פובליקום שעמט זיך צו גיין אין יידישן טעאַטער. די וואַרשעווער קאָרעספאָנדענטן אָבער פון דער רוסישער, יידיש-רוסישער און יידישער פרעסע אין רוסלאַנד, האָבן געשריבן וועגן דעם שפילן, באַזונדערס וועגן די היסטאָרישע פיעסן.

נאָך אַ סכסוך מיט דער רוסישער דירעקטאָרשע פון טעאַטער, איז ג. אָפגעפאָרן מיט די טאַנצמאָס קיין לאָדזש, איז אָבער באַלד צוריקגעקומען אין וואַרשע און פון דאָרט אין 1887 אָפגעפאָרן קיין אַמעריקע.

נ. אויסלענדער און או. פינקעל באַמערקן פאָלגנדיקעס צו ג.׳ס שאַפן אין וואַרשע: „מערקווירדיק איז, אַז אין די יאָרן ווען גאָלדפאַדען האָט זיך אַזוי נאָענט באַגעגנט מיטן פוילישן יידנטום, האָט ער דאָך ניט געשאַפן קיין איין פיעסע, אין וועלכער זיינע איינדרוקן פון פויליש-יידישן לעבן זאָלן ווערן אָפגעשפיגלט. מיר ווייסן גראַדע, אַז גאָלדפאַדען האָט געהאַט אַ טבע גלייך אויפן אָרט רעאַליזירן אין דראַמאַטישע ווערק די סביבה, מיט וועלכער ער האָט זיך באַגעגנט. אַזוי האָט ער אין זיין פיעסע „די צוויי קוני-לעמלעך“ אַריינגעפירט די שטאָט לעמבערג מיט לעמבערגער פערסאָנאַזשן. אין דער פיעסע „דער פאָדריאַדטשיק“ האָט ער אויפגענומען די בוקאַרעסטער סביבה אַרום דער רוסיש-טערקישער מלחמה און אויך די אָדעסער סביבה האָט ער אָפגעשפיגלט אין זיינע פיעסן. עס איז דעריבער מערקווירדיק, וואָס די יאָרן, וועלכע גאָלדפאַדען האָט פאַרבראַכט אין פוילן, האָבן קיינע שפורן אין זיין שאַפן ניט געלאָזן . . .“ אָבער: „. . . גאָלדפאַדענס אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע האָט געמאַכט אין דער דאַמאָלטיקער קולטור-סביבה אין רוסלאַנד אַ גרויסן רושם. מען האָט מיט אַמאָל דערפילט די באַדייטונג פון זיין טעאַטער-טעטיקייט“.

אין ניו-יאָרק איז ג. אָנגעקומען צוזאַמען מיט זיין פרוי און דעם אַקטיאָר ספּיוואַקאָווסקי. דאָ האָבן דאַמאָלט געשפילט אייניקע טרופעס מיט די מחברים לאַטיינער און הורוויץ אין דער שפּיץ. די אַקטיאָרן פון די ניו-יאָרקער טרופעס האָבן געקענט ג. זיי האָבן שוין פריער געשפילט מיט ג.׳ס אַקטיאָרן, אָדער אין זיינע פיעסן, אָדער זיי האָבן געשטאַמט פון ג.׳ס טרופע אין אייראָפע. איז די גאַנצע יידישע „טעאַטער-וועלט“ אַרויסגעפאָרן מקבל-פנים זיין די געסט.

דוד קעסלער דערציילט וועגן דעם אין זיינע זכרונות [אין „טאָג“]: „מיר זיינען אַלע געקומען אָפוואַרטן גאָלדפאַדענען ביי דער שיף. די גאַנצע קאָמפּאַני [טרופע] איז דאָרט געווען. מיר האָבן, ערשטנס, געוואָלט ווייזן ווי ווייט מיר האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט אין אַמעריקע. מיר האָבן אים, צווייטנס, אויך געוואָלט ווייזן ווי גוט מיר קאָנען שפילן. מיר האָבן אים און ספּיוואַקאָווסקין גלייך איינגעלאַדן אין טעאַטער צו זיין „בר כוכבא“, וועלכע מיר האָבן געוואָלט שפילן יענעם אָוונט, ספּעציעל צו זיין כבוד. מיר זיינען געווען זיכער, אַז גאָלדפאַדען וועט אָננעמען מיט דאַנקבאַרקייט אונזער פריינטשאַפט. עס האָט זיך גאָרנישט אָנגעהויבן. גאָלדפאַדענען האָט ניט געפאַסט אַריינצוקומען צו אונז אַלס אַ געוויינלעכער גאַסט. גאָלדפאַדענען האָט ניט געפאַסט אַוועקצוואַרפן זיין היימישן יחוס, און ער האָט געוואָלט אַריין צו אונז, אָבער אויף איין תנאי — און דער תנאי איז געווען, אַז ער זאָל בלייבן אונזער דירעקטאָר. איך קאָן ניט פאַרגעסן זיינע ווערטער, וועלכע ער האָט דאַן קלאָר און אָפן אונז אַלעמען געזאָגט אין די אויגן: „אום צו גיין אין אַ טעאַטער, מוז איך האָבן אַן אייגן טעאַטער. אין אַ פרעמדן טעאַטער וועל איך ניט גיין“. דערהערט אַזעלכע ווערטער, האָבן מיר אַלע, די גרויסע ווי די קליינע, זיך דערשראָקן און זיך צוזאַמענגעקליבן ווי אַ סטאַדע שעפסן, ווען זיי דערזעען אַ וואָלף אָנקומענדיק. די גרויסע האָבן איינפאַך מורא געהאַט פאַר פאַרלירן זייער פירערשאַפט איבער אונז, די קלענערע האָבן זיך איבערהויפט געשראָקן פאַר נייע צרות, ווייל זיי האָבן זיך שוין ווי עס איז געהאַט איינגעלעבט מיט די אַלטע. מיר האָבן ניט אָרגאַניזירט קיין אָפיציעלע יוניאָן [פאַריין], נאָר מיר האָבן אָפגעמאַכט צו זיין פאַראייניקט און ניט דערלאָזן בשום אופן גאָלדפאַדענען צו נעמען אַן אויבערהאַנט איבער אונזער טרופע. גאָלדפאַדען האָט אָבער זיך צוזאַמענגערעדט מיט אונזערע מענעדזשערס [ליוויי און גאָלדשטיין.] ער האָט זיי גענומען אויפווייזן, וואָס ער וואָלט געקאָנט מאַכן פון אונזער טרופע, ווען זיי וואָלטן אים איבערגעגעבן די לייצעס אין זיינע הענט. די מענעדזשערס האָבן זיך לכתחילה געקווענקלט, דערנאָך זיינען זיי צוגעשטאַנען צו אים. דאַן זיינען זיי געקומען צו אונז מיט אַ פאַרטיקן פּלאַן וועגן שפילן אונטער גאָלדפאַדענס דירעקטאָרשיפ [דירעקציע]. מיר האָבן זיך אַנטזאָגט. זיי האָבן גענומען סטראַשן, אַז זיי וועלן אַרויסוואַרפן די אומצופרידענע, אַז זיי וועלן איבעראָרגאַניזירן די גאַנצע טרופע. מיר האָבן זיך פאַר דעם ניט דערשראָקן. די מענעדזשערס האָבן דאַן פּלוצלינג גענומען און פאַנאַנדערגעשפּרייט די ידיעה, אַז זיי גייען שפילן „בר כוכבא“ אונטער גאָלדפאַדענס אויפזיכט. מיר האָבן זיך אַלע צוזאַמענגעקליבן און ערקלערט אַ סטרייק [קעסלער, מאָגולעסקאָ, פינקעל, פיינמאַן א. א.]. זיי האָבן געהאַט נאָר צוויי סטרייק-ברעכער; ביידע פרויען —

פינקעל און קאַרפּ. צו זיי האָט דאָס נייע מענעדזשמענט צוגעדונגען נאָך עטלעכע. מיר האָבן „געפּיקעט" דעם טעאַטער [געשטאַנען פאַרן טעאַטער און געוואָרנט קעגן סטרייק־ברעכער]. קיין אַרעסטן האָבן אויך ניט געפעלט. מיך האָט מען איינמאָל אַרעסטירט און אַוועקגעפירט אין עסעקס־סטריט פּאָליציי־סטיישאָן, פון וואַנען מען האָט מיך דערנאָך אויסגעבײלט. [אַרויסגענומען אויף קויציע]".

וועגן סטרייק גופא דערציילט לעאָן בלאַנק אין זיינע זכרונות וועגן מאָגולעסקאָ [אין „פאָרווערטס"]: „איינמאָל זיינען די מענעדזשערס צוגעגאַנגען צו מאָגולעסקאָן און אים געזאָגט גאַנץ „איידל", אַז ער זאָל מוחל זיין נעמען די גאַנצע טרופּע זיינע און אַרויס פון טעאַטער . . . וואָס איז געשען? אברהם גאָלדפאַדען האָט אויסגעדונגען דאָס טעאַטער און קלייבט זיך אַהין איבער מיט אַ טרופּע, וואָס ער וועט אַליין צונויפשטעלן, און דאָס טעאַטער וועט שוין טראָגן זיין נאָמען „אברהם גאָלדפאַדען׳ס טעאַטער". עס האָבן ניט געהאָלפן קיין טענות, מאָגולעסקאָ האָט געמוזט אַרויס. אויס „עישעל טעאַטער", מיין איך, אויס „רומעניען אָפּערע האוז". איניקע פון אונזער טרופּע זיינען געבליבן מיט גאָלדפאַדענען — קאַרפּ, מרס. קאַרפּ, מאַקס אַבראַמאָוויטש און נאָך עטלעכע אַקטיאָרן. . . . ניט קוקנדיק דערויף וואָס מיר זיינען ניט געווען אָרגאַניזירט, האָבן מיר זיך פונדעסטוועגן געהאַלטן שטאָל און אייזן. מיר האָבן אונזער קאַמף קעגן גאָלדפאַדענען געגעבן דעם כאַראַקטער פון אַ סטרייק, און איך מוז זאָגן, אַז לויט מיין מיינונג, איז דאָס געווען איינער פון די שענסטע סטרייקס, וואָס איך האָב ווען עס איז געזען. ניט צונויפריידנדיק זיך איינער מיטן אַנדערן, האָט דאָס פּובליקום מיטגעסטרייקט מיט אונז. מען איז ניט געגאַנגען צו גאָלדפאַדענען אין טעאַטער."

[בלאַנק דערציילט ווייטער, אַז אַ יאָר שפּעטער האָט דיזעלבע טרופּע אויפגעפירט אין „אָריענטאַל טעאַטער" ג.׳ס פּיעסע „דער גהינום און גן־עדן".]

משה זייפערט אין זיין „דיא געשיכטע פון יודישן טעאַטער", שרייבט: „. . . די צייט ווען אברהם גאָלדפאַדען איז פון אייראָפּע נאָך ניו יאָרק געקומען, מיט דער אבזיכט די יידישע בינע צו לייטן אונד איין גוטן י י ד י ש ן רעפּערטואַר צו שאַפן. אָבער גראַדע אין דעם וויכטיקן פּונקט האָבן די קאָמפּאַניעס פוןביידע יידישע טעאַטערע יד־אחת געמאַכט אונד האָבן אים צו דער בינע ניט צוגעלאָזן, כאָטש זיי האָבן ביידע זיין רעפּערטואַר מיט אַ געוויסע פאַרליבע געשפּילט, אונד כאָטש זיינע פּיעסען האָט [האָבן] זיי גרעסערע איינגאַמע געגעבן ווי דער גאַנצער פּאַק פּיעסען פון אַנדערע אויטאָרן. די שוישפּילער רעכטפערטיקן דיזע אונגערעכטע צוריקווייזונג מיט צוויי תירוצים: ערשטנס, זאָגן זיי, וואָלט זיי אברהם גאָלדפאַדען פ אַ ר ש ק ל אַ פּ ט ווי ער האָט דאָס געטאָן אין אייראָפּע, אונד צווייטענס איז ער זייער ווייניק פּ ר אָ ד ו ק ט י וו , דאָס הייסט, ביי אים נעמט זייער לאַנג ביז ער שרייבט אָן אַ פּיעסע. אָבער ביידע תירוצים זיינען פאַלש ! אברהם גאָלדפאַדען איז גאָרניט אַזוי נאַאיוו געווען צו גלויבן, אַז אין אַמעריקע קאָן מען עמיצן פאַרשקלאַפן; אַלץ וואָס ער האָט פון זיי פאַרלאַנגט איז נאָר געווען צו היטן די בינע ווי עכטע שוישפּילער אונד צו געניסן אירע פריכטע, אונד וואָס עס איז שייך צו אברהם גאָלדפאַדענס אונפּראָדוקטיוויטעט, איז דאָס נאָר אַ שלעכטער אויסרייד. די שוישפּילער ווייסן זייער גוט, אַז אברהם גאָלדפאַדענס צוויי פּיעסען אין אַ סיזאָן וואָלטן מער געלט געגעבן ווי אַ גאַנצער דוצנד פּיעסען פון אַנדערע אויטאָרן. דער ריכטיקער תירוץ אויף דעם פאַרוואָס זיי האָבן דעם זשעניאַלן אברהם גאָלדפאַדען צו דער בינע ניט צוגעלאָזן, איז דער, דאָס די שוישפּילער

פון ביידע טעאַטערע האָבן זיך שוין דאַמאָלס באַטראַכט אַלס „סטאַרס", אין די ראָלן פון קיסרים, מלכים, פּרינצן, פירשטן, גראַפן, לאָרדן אונד באַראָנען איז זיי שוין „אַנגענעמער" געווען צו שפּילן, אונד אברהם גאָלדפאַדען, מישטיינס געזאָגט, וואָס קאָן ער שאַפן? ווידער אַ יידן אונד אָבער אַ יידן!"

איצט האָט שוין ג. געמוזט זאָרגן ניט נאָר וועגן רעפּערטואַר, נאָר אויך וועגן שאַפן אַקטיאָרן.

ג. האָט צונויפגעקליבן אַ טרופּע (צווישן זיי משה און אסתר זילבערמאַן, מאַקס און סאָפיע קאַרפּ און מאָריס פינקעל, וועלכער האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם סטרייק און איז צוריקגעקומען שפּילן), מיט וועלכער ער האָט — לויט ב. גאָרין — אויפגעפירט אין רומעניע אָפּערע־הויז זיין אַלטע פּיעסע „טודרוס בלאָז" א״נ „די צויבער־טראָמפּייטע".

[ווי עס ווייזט אויס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ טעות: די פּיעסע „טודרוס בלאָז" איז ערשט שפּעטער געשפּילט געוואָרן פון די שילער פון זיין דראַמאַטישער שול].

געצייכנט פון אברהם גאָלדפאַדען

מיט דער דאָזיקער טרופּע פירט ג. אויף (1887) אין רומעניע אָפּערע־הויז א״נ „אין גהינום און גן עדן" זיין „קאָמישע אָפּערעטע (צויבערמערכען) אין 5 אַקטן, 10 פאַרוואַנדלונגען און 28 בילדער": „דער שטן אָדער דער צעהנטער געבאָט". [די פּיעסע, באַקאַנט א״נ „לא תחמוד", האָט ג. אָנגעשריבן אין אָדעס סוף 1882. דעם 15 מאַי 1883 האָט דער אָדעסער צענזאָר געגעבן די דערלויבניש צו שפּילן די פּיעסע, אָבער צוליבן פאַרווער אויף יידיש טעאַטער איז זי אין רוסלאַנד ניט אויפגעפירט געוואָרן].

שפּעטער (אין 1891) האָט ג. אונטער אייגענער רעזשי אויפגע-

פירט אַ נייע באַאַרבעטונג פון דער פּיעסע אין לעמבערג. אין זעלבן יאָר איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרק אין יוניאָן טעאַטער (8טע סטריט) א״נ „דער אידישער פאוסט אָדער דאָס צעהנטע געבאָט“.

די פּיעסע איז יאָרן לאַנג געשפּילט געוואָרן דורך די יידישע טעאַטערס אין דער גאַנצער וועלט.

דעם 17 יאַנואַר 1926 איז זי א״נ „דאָס צענטע געבאָט“ [אָפּערעטע-פּאַמפלעט“ לויט אברהם גאָלדפאַדען פון י. דאָברושין, מוזיק פון ל. פולווער — מיט אייניקע מאָטיוון פון גאָלדפאַדענס מוזיק—, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען פון נ. אַלטמאַן“], אויפגעפירט געוואָרן אין גראַנאָווסקיס רעזשי אין מאָסקווע דורך „מימט“.

דעם 19 אָקטאָבער 1926 איז די פּיעסע א״נ „דאָס צענטע געבאָט“, [„א גאָלדפאַדען-שפּיל אין 3 אַקטן, 7 בילדער מיט פּראָלאָג, אינסצעניזאַציע און רעזשי — זיגמונד טורקאָוו, אינטערמעדיעס — משה בראָדערזאָן, מוזיק-אילוסטראַציע — יוסף קאַמינסקי, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען — יוסף שליוניק און כאָרעאָגראַפּישע אינטערמעדיעס — מ. אבראַזשעוויטש“], אויפגעפירט געוואָרן אין וואַרשע אין קאַמינסקים טעאַטער דורכן „וויקט“.

דעם 18 נאָוועמבער 1926 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן א״נ „דאָס צענטע געבאָט“ [מוזיקאַלישע שפּיל אין דריי אַקטן און זעכצן בילדער פון אברהם גאָלדפאַדען, פריי באַאַרבעט און רעזשיסירט פון מאָריס שוואַרץ, מוזיק (פריי נאָך גאָלדפאַדען) פון יוסף אחרון, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען פון ברוך אַראָנסאָן, באַלעט און טענץ פון מישעל פאַקין“] אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער.

די פּיעסע איז אין 1897 דערשינען אין קראָקע און זייט דאַמאָלט אַרויס אין פיל אויפלאַגעס.

לויט דוב זאַוואַדזקי איז דער מאָטיוו פון לואיסעס „ליד“ אין דריטן אַקט „יאָ, איך בין דיר טריי“, גענומען פון וועלוועל שעסטאַפּאַל.

1 מוזיק-נומער פון „לא תחמוד“ א״נ „גיהנום און גן-עדן“, אַראַנזשירט פון ה. רוסאָטאָ און י. י. קאַמין, זיינען דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני“.

מוזיק-נומערן פון „לא תחמוד“ א״נ „גיהנום און גן-עדן“, אַראַנזשירט פון ה. א. רוסאָטאָ, איז דערשינען אין פאַרלאַג פון י. קאַצענעלענבאָגען, ניו-יאָרק.

דער מאַנוסקריפּט פון דער פּיעסע א״נ „דער אשמדאי“, מיט אַ צייכנונג פון מחבר, געפינט זיך אין טעאַטער-מוזיי ביי יוו״א.

אָבער די געשעפטן אין רומעניע אָפּערע-הויז זיינען אַוועק שלעכט. די דירעקטאָרן האָבן באַזייטיקט ג. און צוריק אַריינגענומען זייער פריערדיקער טרופּע.

ג. פּרובט איצט אַרומפאָרן שפּילן איבער דער סביבה פון ניו-יאָרק, אָבער אָן דערפאָלג. פאָרט ער [לויט בעסי טאָמאַשעווסקיס זכרונות: מיט „צעריסענע שיך“] צוזאַמען מיטן אַקטיאָר יעקב גאַרטענשטיין קיין באָסטאָן כדי [לויט באָריס טאָמאַשעווסקי] צו קאָנקורירן מיט דער דאָרטיקער טרופּע, מאַכט אפילו שותפות מיט טאָמאַשעווסקי, אָבער נאָך אַ קורצער צייט קערט ער צוריק קיין ניו-יאָרק.

ניט קאָנענדיק זיך דערשלאָגן צום יידישן טעאַטער, וואָס איז דאַמאָלט באַהערשט פון הורוויץ, לאַטיינער א. א., פּרובט ג. אַרויסגעבן אַ צייטשריפט, געשטיצט אויף דעם וואַרעמען קבלת-פּנים מצד די מער אַנטוויקלטע לעזער, ביי וועלכע ג. איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אַלס דיכטער.

דעם 22 אָקטאָבער 1887 גייט אַרויס אַ „פּראָבע-נומער“ א״נ „ניו-יאָרקער יודישע אילוסטרירטע צייטונג“ [פון גרויסן פאָרמאַט, 8 זייטן, צו 2 ברייטע שפּאַלטן]. אין דאָזיקן נומער געפינט זיך אויך

ג.׳ס אַ קורצע אויטאָביאָגראַפיע און אַן אַנאָנס, אַז פון „15 נאָוועמבער וועט דער בלאַט דערשיינען יעדע 14 טעג“. נאָכן 17טן נומער (12 יולי 1888) האָט דאָס צוויי-וואָכנבלאַט אויפגעהערט צו דערשיינען. צום סוף פון לעצטן נומער איז אָפּגעדרוקט אַ קורצע נאָטיץ: „דער רעדאַקטאָר פון דיעזער צייטונג, העררר א. גאָלדפאַדען, איז דען 11טען דיעזעס מאָנאַטס געשטעלט געוואָרען אונטער 1000 דאָללאַר בייל פיר דעם אַרטיקעל אין נומער 16 „טעלעגראַמען און וחלקלקות“ אויס פילאַדעלפיע.“

אויך אין דער צייט פון זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט האָט ג. ניט געוואָלט זיך דערווייטערן פון טעאַטער: ער גרינדעט אַ פאַריין „לירא“, [אַ מין „דראַמאַטישע שול“], וועגן וועלכן מיר געפינען (אין „נ. י. יוד. אילוסט. צייט.“ 11) פאָלגנדיקן אַנאָנס:

„נאָך דער איניציאַטיווע דעם גרינדערס פאָם יודישען טהעאַטער, העררר גאָלדפאַדען, האָט זיך אונלענגסט איין פעראיין געגרינדעט, וועלכע, האט צור אויפגאַבע דיא בעפערדערונג דער קונסט דער יודישען דראַממא — צו דיזעם צוועק ווערדען נור אויפגענאָמען זאָלכע יונגע מענער און פרויען, וועלכע פיל וועניג בעזיצען טאַלאַנט פיר דער ביהנע און איינען אָרגאַן צום זינגען. מייסטענס מיטגלידער בעשטעהען פאָן דער אַרבייטער-קלאַסע: דער יונגער אַרבייטער, נאַכדעם ער זיינע מאַטעריעלע אַרבייט דעם טאַג פאָלענדעט, ווידמעט, די איהם צוריקגעבליבענען פרייע שטונדען, דער גייסטיגען צערשטרייאונג דער נוצליכער קונסט, די הויפּטזאַכע איסט אבער צו בעמערקען, דאַס די ערשטע אויפגאַבע יעדעס מיטגלידעס דיזעס פעראיינס בעשטעהט, הויפּטזעכליך, אין דער מאָראַל אונד אונבעשאָלטענער אויפפירונג.

„ה׳ גאָלדפאַדען לערנט אונענטגעלדליך די מוזיק, דען פאָרטראַג אונד שטעלונג אויף דער ביהנע.

„צור פּראָבע ווירד איינס פון גאָלדפאַדענ׳ס שטיקע איינשטודירט, די מיטינגען אונד פּראָבען ווערדען געהאַלטען יעדען זאָנטאַג אין אַמעריקאַן סטאַר-האָל, 165 איסט בראָדוויי.“

אַ גענויער סטאַטוט פון דעם פאַריין (דאַטירט דעם 11 פעברואַר 1888) איז אָפּגעדרוקט אין „אַרכיוו פאַר יידיש טעאַטער“, אַרויסגעגעבן דורך „יוו״א“.

דידאָזיקע דראַמאַטישע שול איז שפּעטער געפירט געוואָרן פון פיינמאַן און קאַרפּ א״נ „גאָלדפאַדען דראַמאַטישער קרייז“. צווישן די תלמידים פון דערדאָזיקער שול געפינען זיך די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן מאָריס מאָשקאָוויטש, גוסטאַוו שאַכט, דוד לעווענזאָן, סאָול וואַלערשטיין, זיגמונד וויינטרויב און בעלאַ גודינסקאַ.

דערנאָך איז דידאָזיקע שול געפירט געוואָרן פון יעקב גאָרדין, יאָהאַן פּאַליי, מ. זייפערט און לואי מילער.

דעם 7 יולי 1888 ווערט אויפגעפירט אין ווינדזאָר-טעאַטער [אַפּנים מיט די מיטגלידער פון פאַריין „לירא“] ג.׳ס אָפּערעטע „די צויבער טראָמפּייטע“ אָדער „דער אָנקעל וועט משלם זיין“ [„טודרוס בלאָז“], אָבער מער ווי די איינע פאָרשטעלונג קומט ניט פאָר. ג. פאַרלאָזט אַמעריקע און פאָרט אָפּ קיין לאָנדאָן.

אָנהייב יולי 1889 נעמט ג. דאָרט איבער דעם „היברו דראַמאַטיק קלאָב“ (8 פּרינצעס סטריט), וואו ס׳האָבן פריער געשפּילט אַדלער, מאָגולעסקאָ און אַנדערע מיט נ. ראַקאָוו אַלס מחבר.

ג.׳ס אַריינטריט אין דאָזיקן קלוב ווערט אַנאָנסירט אַזוי: [אונזער אָרטאָגראַפיע]:

„ה׳ר גאָלדפאַדען.

„פון נעקסטן שבת אָן (13טן יולי) וועט די פאַרייניקטע טרופּע יידישע אַקטיאָרן שפּילן אונטער די לייטונג פון הערן אברהם גאָלדפאַדען, דער פאָטער דעם יידישן טעאַטערס — די האַלע איז אונטער גאַנץ נייע מענעדזשמענט, נייע דעקאָראַציאָנען

און קליידער. דער קלאָב וועט אין גאַנץ נייע אָרדנונג געבראַכט ווערן. מיר וועלן זיך יעצט ניכט מער צו שעמען האבען מיט אונזער יידישע שוישפּילער קונסט און אָרדנונג. דער הער גאָלדפאַדען וועט דעקלאַמירן זיינע באַרימטע פאָלקסגעדיכטע.

„קומט אַלע און איבערצייגט אייך!

„די פּראָגראַמע וועט דורך באַזונדערע אַפישן באַקאַנט געמאַכט ווערן.“

פון אַלע, פריער דאָרט אַנאָנסירטע אַקטיאָרן, ווערט איצט אַנאָנסירט בלויז פרייליין דיינע שטעטין [שפּעטער פיינמאַן], מיט וועלכער עס ווערט דעם 23 יולי 1889 אויפגעפירט „כבוד אב, אַ העכסט אינטערעסאַנטע שטיק, וועלכע איז נאָך ניע אויף דער אידישער ביהנע אויפגעפיהרט געוואָרן, ספּעציעל פערפאַסט ביי דעם הערן גאָלדפאַדען פאַר זיין בענעפיט“.

[דער אינהאַלט פון דערדאָזיקער פּיעסע ווערט אין ערגעץ ניט אָנגעגעבן און ווערט שפּעטער אין ערגעץ ניט דערמאָנט. עס איז דעריבער אָנצונעמען, אַז דאָס איז איינע פון ג.׳ס פריערדיקע פּיעסען, וועלכע ער האָט בכיון, כדי צוציען אַן עולם, משנה השם געוועזן און אַנאָנסירט אַלס נייע, נאָך קיינמאָל ניט געשפּילטע פּיעסע].

אָבער — די טרופּע שפּילט שפּעטער פאַרשיידענע מעלאָדראַמעס, נאָר ניט ג.׳ס פּיעסן.

אָקטאָבער 1889 געפינט זיך שוין ג. אין פּאַריז, וואו ער האָפט [לויט זיינע בריוו צו שלום-עליכם] צו „פאַרלייגן אַ יידיש טעאַטער און מאַכן גוטע געשעפטן.“

באַטש ליטעראַריש זייער טעטיק [ער שרייבט דאָ זיינע פּאָעמעס „שבתיאל“, „שלום עליכם ר׳ ישראל“, „ימים נוראים“ און „המן טאַש“, די פאַבעל „די הינט קעגן דער לבנה“ (געדרוקט א״נ „די ביללער נעגען דער לבנה“ אין שלום-עליכםס „פאָלקס-ביבליאָטעק“) א. א.], אָרגאַניזירט ג. (בערך דעצעמבער 1889) אַ יידישע טרופּע.

ווי דער אַקטיאָר יוסף וויינשטאָק גיט איבער, איז די טרופּע באַשטאַנען טיילווייז פון די דאָרטיקע יידישע אַקטיאָרן (מאַקס ראָזענטאַל, ה׳ און פרוי נאַדאָלסקי, אַננאַ העלד, אריה שראַגע, די שוועסטער זינגער, יוליוס פּראָנד און דער פּיאַניסט באָדאַנסקי) און טיילווייז פון ספּעציעל געבראַכטע אַקטיאָרן פון לעמבערג (וויינשטאָק און פרוי און נאָך אַ פּאָרל). צו דער ערשטער פאָרשטעלונג אין טעאַטער פאַנטאַזיע פּאַריזיען (רי לאַנקרי 42) איז אויפגעפירט געוואָרן „אחשורוש“. דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט, נאָר דער קאַסירער איז אַנטלאָפן מיטן געלט.

נאָכן מאַטערן זיך אַ האַלב יאָר האָט די טרופּע אויפגעהערט צו שפּילן.

לויט ל. דושמאַן — דערציילט דער קינסטלער [מאַלער?] קריוגער (מינסק), וועלכער האָט ביינעוואוינט די דערעפנונג פון ג.׳ס טעאַטער אין פּאַריז, אַז די טרופּע מיט ג. בראש האָט אָנגעהויבן אירע פאָרשטעלונגען אויף די ראָשעשואַר. אויפגעפירט זיינען געוואָרן „שולמית“, „בר כוכבא“, „יהודה המכבי“, „שלמה המלך“ א. א. פאַר דער דערעפנונג האָט ג. איינגעאָרדנט אין טעאַטער אַ בייטאָגיקע פאַרזאַמלונג פון פּובליקום, פאַר וועלכן ער האָט אַנאָנסירט זיין טרופּע און דערקלערט די נויטווענדיקייט צו באַזוכן זיין טעאַטער. צום סוף איז ג. אַרויסגעטראָטן מיט עטלעכע יידישע נאַציאָנאַלע לידער, וועלכע זיינען באַגלייט געוואָרן מיט מוזיק.

פון די אַקטיאָרן געדענקט קריוגער בלויז ראָזענטאַל, פּישקינד [פּישקינד דערקלערט, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געשפּילט אין פּאַריז] און אַננאַ העלד.

ביי די ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען זיינען די געשעפטן געווען שלעכט, ווייל ג. פלעגט „צאָלן זיינע חובות מיט טעאַטער-בילעטן און אין דער קאַסע פלעגט גאָרנישט אַריינקומען“.

ג.׳ס מאַטעריעלע לאַגע איז איצט גאָר אַ טרויעריקע. אין זיינעם אַ בריוו (פּאַריז 12 מאַי 1890) צו דינעזאָן, בעט ער נאָך אַמאָל צו פאַרקויפן צום דרוק זיינע [ג.׳ס] ווערק פאַר יעדן פּרייז און אויף די שווערסטע באַדינגונגען. „דער בעל-הבית (דער פראַנצויז) האָט שוין עטלעכע מאָל אַריינגעשיקט נאָך דירה-געלט — שרייבט ג. אין בריוו — מיר קוקן שוין ניט אויף עסן, מיר קוקן שוין [ניט] אויף קליידער“.

אין אַ בריוו צו שמ׳ר שרייבט ער: „איר ווייסט דאָך די קרענק, וואָס איך האָב מיר אָפּגעשפּאָרט פון טעאַטער: איך לייד אַסטמאַ און שפּיי צו צייטן מיט בלוט . . . דאָס באַווייזט ווי ווייט דאָס טעאַטער, דאָס הייסט, די פיזישע און גייסטיקע אָנשטרענגונג, איז מיר דערגאַנגען די יאָרן; דען איך בין שטענדיק געזונד געווען און בין פון געזונדע עלטערן. נאָר, פאַרפאַלן, אַזוי איז דאָס, דערפאַר טאָר איך מיך ניט אָנשטריינגען און איבערהויפּט זיך ניט ערגערן“.

ג. פאַרלאָזט פּאַריז און פאָרט אָפּ (אָקטאָבער 1890) קיין לעמבערג, וואו ער איז זייער פּאָפּולער אַלס פאָלקס-דיכטער. דאָ פאַראינטערעסירט זיך מיט אים דאָס גאַנצע עפנטלעכע יידישע לעבן. דעם 29 אָקטאָבער 1890 האָט ג. אין פאַריין „ציון“ פאָרגעטראָגן זיינע ווערק מיט אַ גרויסן בייפאַל, דעם 10 נאָוועמבער 1890 איז אַזאַ ענלעכער אָוונט פאָרגעקומען אין פאַריין „שומר ישראל“.

באַלד נאָכדעם טרעט אַריין ג. אין גימפּעלס יידישן טעאַטער, וואו ער פירט אויף אייניקע שוין פריער געשפּילטע פּיעסען. דאָ פאַרענדיקט ער אויך „רבי יאָזעלמאַן אָדער דיא גזרות פון עלזאַס“, „היסטאָרישע אָפּערעטע אין 5 אַקטן און 23 בילדער“, וועלכע ער האָט אָנגעהויבן שרייבן נאָך אין פּאַריז.

די פּיעסע, וועלכע איז דאָ אויפגעפירט געוואָרן דעם 14 יאַנואַר 1891 א״ר פון מחבר, איז געבויט (לויט ג.׳ס הקדמה צו דער געדרוקטער פּיעסע) אויף די ווערק פון איזידאָר לאָעב, עליאַס שייד און דר. לעהמאַן.

אין 1892 האָט יעקב גאָרדין אויפגעפירט אין „יוניאָן טעאַטער קאָמפּאַני“ אין ניו-יאָרק, זיין באַאַרבעטונג פון דער פּיעסע א״נ „מליץ יושר“.

די אָפּערעטע איז זייט דאַמאָלט אָפט געשפּילט געוואָרן כמעט אויף אַלע יידישע בינעס.

לויט דוב זאַוואַדזקי זינגט רבי יאָזעלמאַן ביי זיין אויפטריט אַ רומענישן מאָטיוו, די מוזיק פון „וואויל איז דעם מענטשן, וואָס ער האָט אין זיין לעבן בטחון צו גאָט“ איז גענומען פון נ. בלומענטאַלס „מן המצר“ און דער מאָטיוו צו „פיל האָט יהודה אָנגעוואוירן“ איז פון טשייקאָווסקיס אָפּערע „דאַמע פּיק“.

זייט 1891 איז די פּיעסע [אויך א״נ „מליץ יושר“] דערשינען אין פיל אויפלאַגעס.

אַ מאַנוסקריפּט פון דער פּיעסע געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו-יאָרק.

4 מוזיק-נומערן פון „מליץ יושר“, אַראַנזשירט פון רוסאָטאַ און פרידזעל, זיינען דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני“.

אין לעמבערג האָט ג. אויך אויפגעפירט זיין אָפּערעטע — „ראָטשילד“, מוזיק פון מאָריס פאַל (דער פאָטער פון דייטש-יידישן קאָמפּאָזיטאָר לעאָ פאַל).

די אָפּערעטע האָט — לויט בערטאַ קאַליש — געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, איז אָבער דערנאָך זייער זעלטן געשפּילט געוואָרן.

די פּיעסע איז קיינמאָל ניט דערשינען אין דרוק. אַ מאַנוסקריפּט געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו-יאָרק.

די לעצטע פיעסע, וועלכע ג. שרייבט אָן און פירט אויף אין לעמבערג דעם 15 דעצעמבער 1891 איז: „משיחס צייטן“ — „עפּאָכן-בילדער דער רוסישען יודען אַלס שוישפיל מיט געזאַנג און טענצע אין 6 אַקטן, 4 פערוואַנדלונגען אין 30 בילדערן“. [מוזיק צונויפגעשטעלט פון אהרן פערלמוטער.]

„דער סוזשעט פון דער פיעסע איז — לויט נ. אויסלענדער און או. פינקעל — פאַרבונדן מיט איבערוואַנדערונגען פון איין לאַנד אין אַ צווייטן: די ערשטע דריי אַקטן קומען פאָר אין רוסלאַנד, דער פערטער אין אַמעריקע, דער פינפטער אין פאַלעסטינע. מיט דעם לעצטן אַקט אין פאַלעסטינע האָט גאָלדפאַדען געוואָלט געבן דעם אַפּאָפעאָז פון דער „חבת-ציון“-אידעע.

„די פיעסע האָט ניט קיין גרויסן קינסטלערישן ווערט, אָבער אין פיל ערטער טראָגט זי אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער און באַווייזט, אַז גאָלדפאַדנס איינדרוקן פון אַמעריקע זיינען גאַנץ ווייט פון אָפּטימיזם.“

אין 1892 איז „משיחס צייטן“ אין „יוניאָן טעאַטער קאָמפּאַני“, ניו יאָרק, אויפגעפירט געוואָרן פון י. גאָרדין אין זיינער אַ באַאַרבעטונג.

אין 1893 איז די פיעסע אין אַ נייער באַאַרבעטונג פון מחבר אויפגעפירט געוואָרן אין בוקאַרעסט.

זייט 1900 איז די פיעסע דערשינען אין אייניקע אויפלאַגעס. אַ מאַנוסקריפט געפינט זיך ביי שלום פערלמוטער אין ניו-יאָרק.

[„דער זיידע“, וואָס פערזאָנאָפיצירט דעם אַקטיאָר יונה רייזמאַן אין יעקב באָטאָשאַנסקיס בוך גראָטעסקן און בילדער פון יידישן אַקטיאָרן-לעבן „נאָך דער פאָרשטעלונג“, דערציילט, אַז „משיחס צייטן“ איז באַאַרבעט פון דעם פאַרס „דער קראַקעווער“, וועלכן די בראָדערזינגער פלעגן שפילן].

וועגן דאַמאָלטיקן טעאַטער-„לעבן“ שרייבט ל. דרייקורס אין „ליטעראַרישע בלעטער“: „דער „טאַטע פון יידישן טעאַטער“ האָט דאָרט געשריבן זיינע טעאַטער-פיעסען, האָט געגעסן איינגעמאַכטס און אָנגעפירט מיט די פראָבעס אין דער אנוועזנהייט פונם גאַנצן עולם „גוטע ברידער“, „לעמבערגער קינדער“, וואָס האָבן געשפּייזט דעם „טאַטען“ און זיינע קינדער — די אַקטיאָרן. דער קאָנטאַקט צווישן פובליקום און שוישפילער איז געווען אַ גאָר נאָנטער. די אַקטיאָרן זיינען דאַן אויסגעהאַלטן געוואָרן פון פובליקום. ניט אויף זייטיקע וועגן, דורך דער טעאַטער-קאַסע, דורך בילעטן, נאָר טאַקע ממש: דאָס פובליקום, וואָס איז אוונטס געקומען אין טעאַטער, האָט בייטאָג געגעבן עסן „אין נאַטורא“ דער חברה אַקטיאָרן. יעדער „גוטער ברודער“ האָט געברענגט עפּעס צו טראָגן, לויט מעגלעכקייט, לויט די קעשענע האָט געטראָגן, אָבער פון פולן האַרצן. צו מיטאָג-צייט, צווישן איין געזאַנג-נומער און דעם צווייטן, וואָס איז רעפּעטירט געוואָרן אויף די ברעטער פון דער גאָרטן-בינע, האָט מען זיך געזעצט ביי די טישן. שוישפילער און פובליקום אין איינעם. דער „יאָלד“ האָט געגעבן און דער אַקטיאָר האָט געגעסן. „לעמבערגער קינדער“ האָבן ליב געהאַט זייער יידיש טעאַטער.“

קלמן יאָוועליר, וועלכער האָט דאַמאָלט געשפילט ביי גימפעל, דערציילט אין ניו-יאָרקער „גאָלדפאַדען-בוך“, אַז „גאָלדפאַדען האָט רעזשיסירנדיק געמאַכט פאַרזוכן צו ווייזן די אַקטיאָרן און אַקטריסעס ווי צו שפילן, אָבער די פאַרזוכן זיינען אים זעלטן-ווען געלונגען. ער איז אַליין ניט געווען קיין שוישפילער. אַ סך מער פלעגט אים געלונגען אַ צווייטער ריין-רעזשיסערישער טייל פון זיין אַרבעט. ער פלעגט פאַר די שוישפילער דערקלערן יעדן כאַראַקטער פון זיינע פיעסען, וואָס ער האָט אויפגעפירט. דאָס האָט די שוישפילער אַ סך אַרויסגעהאָלפן. זיי האָבן זיך ביי גאָלדפאַדענען געלערנט, וואָס מ'רופט היינטיקע צייטן, אויפפאַסן אַ ראָלע איידער מ'גייט זי שפילן. גאָלדפאַדען האָט זיך אויך אַ סך אָפּגעגעבן מיט אויסאַרבעטן סצענישע עפעקטן. די טעכניק איז געווען אַ פרימיטיווע, אָבער „דעם פאָטער פון דער יידישער בינע“ איז אָפטמאָל געלונגען אַ סך אויפצוטאָן מיט איינפאַכע מיטלען. סצענישע פאַנטאַזיע האָט ער געהאַט אַ סך און ביי דער אומבאַהאָלפנקייט און טעכנישער אָרימקייט פון דער יידישער בינע אין יענע יאָרן, האָט ער אָפט אויסגעאַרבעט איינדרוקספולע סצענישע עפעקטן. אַזוי האָט ער — פאַר יענער צייט — זייער געלונגען אויסגעאַרבעט די סצענע ווי לוטס ווייב ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק זאַלץ (אין „סדום ועמורה“) און דאָס אָנפליען פון אַ מלאך, וואָס לאָזט [ניט] אברהמען קוילן יצחקן (אין „עקדת יצחק“) [„עקדת יצחק“ און „סדום ועמורה“ איז איין פיעסע]. פאַר די אַלע זאַכן, ווי פאַר זיינע פיעסען און פאַר זיין מוזיק צו די פיעסען, איז גאָלדפאַדען זייער הויך געשעצט געוואָרן. אַלע האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט יראת-הכבוד. פאַר זיין רעזשיסאָרישער אַרבעט האָט גאָלדפאַדען אגב באַקומען אַ שיין געהאַלט אין יעקב בער גימפעלס טעאַטער.“

בערטאַ קאַליש, וועלכע האָט אויך דאַמאָלט געשפילט ביי גימפעל, דערציילט אין אירע זכרונות [אין „טאָג“]: „אַ גוטע שיינע צייט האָבן מיר איבערגעלעבט מיט גאָלדפאַדען. האָט ער נאָר באַטראָטן די שוועל פון טעאַטער, איז ליכטיקער געוואָרן אין יעדן ווינקעלע. זיין גוטמוטיקער שמייכל האָט געוואַרעמט און געצערטלט אונזערע הערצער און מיר זיינען אים געווען דערפאַר זייער דאַנקבאַר. ... גאָלדפאַדען איז געווען פון דעם טיפּ מענטשן, וואָס, אַז זיי ווערן באַגייסטערט, מאַכן זיי דעם איינדרוק פון ווילדע, בייזע מענטשן, וואָס אָט-אָט זיינען זיי גרייט עמיצן צו דערהרגענען. גאָלפאַדען האָט געקאָנט אויסטרינקען זעכצן גלעזער טיי איידער מען האָט זיך אומגעקוקט.“

„אָבער דער גאַליציאַנער באָדן איז — לויט דר. יעקב שאַצקי — ניט געווען גינסטיק פאַר אַ יידיש טעאַטער. די אינטעליגענץ איז געווען אַסימילירט, דאַקעגן די מאַסע — פאַנאַטיש פרום און האָט, פאַרשטייט זיך, געקוקט קרום אויף די יידישע „קאָמעדיאַנטן“.“

ווי ב. גאָרין גיט איבער, האָט זיך ג. צעקריגט מיטן דירעקטאָר און איז אַרויס פון טעאַטער: „גאָלדפאַדען איז אין זיינע בעסטע צייטן קיין בעל-תכלית ניט געווען און בפרט ווען ער האָט געדאַרפט נעמען שבירות פון אַן אָרעמען דירעקטאָר. און ווען ער איז אַרויס פון טעאַטער, איז אים טאַקע פשוט אויסגעקומען צו הונגערן. אין דער צייט, ווען ער פלעגט אַ הונגעריגער שפּאַצירן איבער די יידישע גאַסן פון לעמבערג און ער האָט דערהערט פון העל-באַלויכטענע הייזער ווי מען איז זיך משמח און מען זינגט די לידער פון זיינע אָפּערעטן, האָט ער מיט יאוש געפרעגט: ווייסן זיי דאָרטן, אַז ניט ווייט פון זיי שלעפּט זיך אַרום דער פאַרפאַסער און ווייסט ניט מיט וואָס זיין הונגער צו שטילן“.

פון גאַליציע איז ג. געפאָרן קיין רומעניע, וואו ער איז שוין אין יולי 1892 טעטיק אין בוקאַרעסט. לויט ב. גאָרין איז ג. אַריין אַלס דירעקטאָר אין טעאַטער זשיגניצע, וואו ער האָט געטראָפן די סעגאַלעסקאָ-צוקערמאַן-טרופּע. ער האָט באַלד אַריבערגעבראַכט קאַליש און קאַרל שראַמעק און מיט זיי אויפגעפירט „דאָס צענטע געבאָט“. דערנאָך האָט ער צוגעצויגן צו דערדאָזיקער טרופּע מאַלווינע טרייטלער [שפעטער לאָבעל] מיט איר פאָטער.

דער קאָמפּאָזיטאָר דוד הירש גיט איבער, אַז דאָ פלעגט ער פאַרצייכנען אויף נאָטן די נגונים, וועלכע ג. פלעגט אים „איבערגעבן“. דערנאָך פלעגט ג. לאָזן פאָרשפּילן דאָס פאַרצייכנטע פאַר אַ געוויסן מאיר בייגעלטרעגער, דער פאָטער פון אַן אַקטריסע, לויט וועלכנס מבינות ס'פלעגט באַשטימט ווערן דער גורל פון די נגונים.

אָבער ג. איז לאַנג ניט געזעסן אין בוקאַרעסט. וועגן דעם שרייבט

בערטאַ קאַליש [אין „טאָג“]: „גאָלדפאַדען האָט באַשלאָסן, אַז בוקאַרעסט איז ניט מער דאָס וואָס ער האָט געוואָלט אַז עס זאָל זיין, און אָנגעהויבן זיך צוצוגרייטן צו אַ נייע יאַזדע [נסיעה]. גאָלדפאַדען האָט איבערהויפּט ניט געקאָנט איינזיצן אויף אָן אָרט. עס האָט אים געצויגן אין דער וועלט אַריין און ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז וואו ער זאָל ניט קומען, וועלן פאַר אים זיין די טירן אָפן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן הערן מיר, אַז גאָלדפאַדען פּאַקט זיך שוין אין וועג אַריין, און ס'איז אַלעמען געוואָרן זייער אומעטיק. מיט גאָלדפאַדען האָט זיך די טעאַטער-געזעלשאַפט [טרופּע] געהאַלטן אין אָרדנונג. עס איז געווען אַ שטיקל דיסציפּלין. עס איז געווען פאַר וועמען דרך-ארץ צו האָבן.“

געקומען אין גאַלאַץ, פירט דאָ אויף ג. צום ערשטן מאָל זיין „עקדת יצחק או מהפכת סדום ועמורה“, „ביבלישע אָפּערעטע אין 4 אַקטען און 40 בילדער“, מיט זיגמונד האַרט אַלס „אברהם“ (שפּעטער מיט יעקב זילבערט) און מאַלווינע לאָבעל אַלס „שרה“.

לויט יאָזעף רומשינסקי איז דער אויפטריט מאָטיוו פון „אברהם“ גענומען פון הלוים „מן המצר“.

די אָפּערעטע איז ביז היינט פאַרבליבן אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער איבער דער וועלט.

זייט 1897 איז די פּיעסע דערשינען אין פיל אויפלאַגעס.

אַ מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין טעאַטער-מוזיי ביי ייוו“א.

25 מוזיק-נומערן פון „עקידת יצחק“, אַראַנזשירט פון ה. א. רוסאָטאָ, זיינען דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָ.“.

קלמן יאָוועליר דערציילט אין ניו-יאָרקער „גאָלדפאַדען-בוך“, אַז ווען ער האָט געשפּילט מיט אַ טרופּע אין טשערנאָוויצער שטאָטטעאַטער, „איז קיין טשערנאָוויץ געקומען צו-גאַסט גאָלדפאַדען אַליין. זיין קומען האָט געמאַכט אַן אויפרודער אין שטאָט. דער ברייטער עולם האָט שוין אַביסל געקענט גאָלדפאַדען פון זיינע פּיעסן און נגונים און מ'האָט אים ליב געהאַט. עס איז דאַמאָלט פאַר אים אין שטאָט-טעאַטער געגעבן געוואָרן אַ ספּעציעלע יום-טובדיקע פאָרשטעלונג.“

אין 1895 איז פאַר די אַקטיאָרן פון „נאַציאָנאַל-טעאַטער“ אין יאַסי פאָרגעקומען אַ משפּט צווישן ג. און יאָוועליר, וועלכער האָט דאָרט געשפּילט „עקדת יצחק“ אָן דער דערלויבניש פון מחבר. צו זיין פאַרטיידיגונג האָט יאָוועליר געטענהט, אַז ער האָט די פּיעסע „גענומען פון דער ביבל“.

אין זעלבן יאָר איז ג. געקומען אין בראַאילא, עטלעכע טעג נאָכדעם ווי עס איז פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפע אין דאָרטיקן פּאָרט. דאָס געשעעניש איז דאַמאָלט געווען אויפן סדר-היום און ג. האָט באַשלאָסן דאָס אויסנוצן פאַר אַ פּיעסע. האָט ער — לויט ש. י. דאָרפזאָן — צו לאַטיינערס אַ פּיעסע צוגעקנופּט אַ האַנדלונג, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער קאַטאַסטראָפע און עס אויפגעפירט א“נ „די קאַטאַסטראָפע פון בראַאילא“.

דאָס שטיק איז דורכגעפאַלן און איז מער ניט אויפגעפירט געוואָרן.

צו דערדאָזיקער פּיעסע האָט אַ מיטגליד פון ג.'ס טרופּע, איזמאַאילאָנאַ, פאַרפאַסט די לידער און די מוזיק.

מאַנוסקריפּט און די לידער — אומבאַקאַנט.

צו יענער עפּאָכע געהערן ג.'ס: „יהודית און הולפרנוס“ — מוזיק פון גבריאל פינקעלשטיין. די פּיעסע איז קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן. אַ מאַנוסקריפּט געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו יאָרק. אויך: „דער ציגיינער-באַראָן“, „גראָססע אָפּערעטע אין 3 אַקטען לאָקאַליזירט פאָן אברהם גאָלדפאַדען“ (באַאַרבעט פון יאָהאַן שטרויסעס „דער ציגיינער-באַראָן“). די אָפּערעטע איז זעלטן געשפּילט געוואָרן און איז קיינמאָל ניט דערשינען אין דרוק. מאַנוסקריפּטן פון איר געפינען זך ביי איציקל גאָלדענבערג אין בוקאַרעסט און ביים אַקטיאָר סאַמועל לאַרעסקאָ.

אין 1896 קומט ג. צוריק אין לעמבערג. פרילינג פאַרברענגט ער אַ קורצע צייט אין קראָקע, וואו ער פאַרהאַנדלט מיטן פאַרלעגער יוסף פישער וועגן אַרויסגעבן זיינע ווערק און האַלט דאָרט אַ פאָרלעזונג אין סאַלאָן פון [אויפן] שול-הויף. צוריקגעקומען אין לעמבערג, ווערט ער קראַנק און איז געצוואונגען (מאַי 1897) צו פאָרן זיך קורירן אין ווין. דאָ געפינט ער זיך אין אַזעלכע שלעכטע באַדינגונגען, אַז ער האָט ניט קיין געלט אויף אויסצואַרבעטן די באַפולמעכטיגונג פאַר דינעזאָן אַלס זיין איינציקן פאָרשטייער אײבערן האָנאָראַר פאַר זיינע געדרוקטע און געשפּילטע ווערק. [ג.'ס בריוו צו דינעזאָן].

„אין יאָר 1896, פּונקט אין 20 יאָר אַרום נאָכדעם ווי גאָלדפאַדען האָט אין רומעניע באַוויזן זיינע ערשטע טעאַטראַלע פּרובן, האָט ער איצט [אין רומעניע] געגעבן זיינע לעצטע פאָרשטעלונגען און דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט אויף תמיד זיין טעאַטערטעטיקייט. פון דאַמאָלט אָן הייבט זיך אָן פאַר אים אַ לעבן פון הונגער און דחקות, אַ צייט, אין וועלכער דאָס שווערסטע באַשטייט דערין, וואָס גאָלדפאַדן, אָט דער מענטש פון שטענדיקער פרישער ענערגיע און איניציאַטיוו, האָט ניט וואו אַהינצוטאָן זיינע כחות. ווי אַלע מאָל, ווען עס קומט אַן איבעררייס אין זיין טעאַטראַלער טעטיקייט, פּרובט אויך איצט גאָלדפאַדן אומקערן זיך צו ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק. צו יענער צייט געהערט גאָלדפאַדנס נאָנטע באַקאַנטשאַפט מיט דעם העברעאישן שריפטשטעלער ר. א. ברוידעס, וועלכער האָט דאַמאָלט געלעבט אין גאַליציע. . . . ביידע אי גרשם באַדער, אי ראובן [אשר] ברוידעס האָבן זיך, קאָנטיק, פאַראינטערעסירט, באַזונדערס ברוידעס, מיט גאָלדפאַדענען. [ג. באַדער שטרייט דאָס אָפּ]: אין „פאָלקס קאַלענדאַר“ פון יאָר 1897 האָט ברוידעס אָפּגעדרוקט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן א. גאָלדפאַדן. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ פאָרעדע צו גאָלדפאַדנס אַ ביכל לידער, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1898 אונטערן נאָמען „יידישע נאַציאָנאַל געדיכטע“. ווי עס זעט אויס האָט גאָלדפאַדענען זיך איינגעגעבן דאַמאָלט, מיט ברוידעס הילף, אָנהייבן אַרויסצוגעבן זיינע ווערק. . . . ניט געקוקט אויף דעם, וואָס גאָלדפאַדנס ביכלעך פלעגן אַרויסגעגעבן ווערן עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד, איז דאָך, קענטיק, ניט געווען קיין אויסזיכטן, אַז דאָס זאָל קאָנען פאַרגרינגערן גאָלדפאַדנס ביז-גאָר שווערע מאַטעריעלע לאַגע. וועגן דעם שרייבט גאַנץ אָפנהאַרציק ר. א. ברוידעס אין דער פאָרעדע צו גאָלדפאַדנס ביכל.“ [נ. אויסלענדער און או. פינקעל].

אין 1900 געפינט זיך ג. ווידער אין פּאַריז, וואו עס קומט דאַמאָלט פאָר די וועלט-אויסשטעלונג. ער פּרובט זיך נאָך אַמאָל נעמען צום יידישן טעאַטער, אָבער מיט אַ קנאַפּן דערפאָלג. וועגן יענער צייט שרייבט ג.'ס אַ פריינט, דר. דאַנציגער, צו באָרים טאָמאַשעווסקי אין ניו-יאָרק, אַז „גאָלדפאַדען געפינט זיך אין אַ טרויעריקער לאַגע. עס קומט אים אויס אויף די עלטערע יאָרן צו זיין פאַרוואַגלט פון זיין היימאַט, פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַ דאַך-שטיבל אין אַ פּאַריזער טענעמענט-הויז און ליידן מאַנגל און נויט. זיינע פּיעסן ציען נאָך היינט פולע הייזער [אין אַמעריקע] און ווען ער זאָל באַקומען זיין טייל אַלס אויטאָר, וואָלט ער צו קיינעם ניט געדאַרפט אָנקומען און וואָלט געקאַנט פאַרברענגען זיינע עלטערע יאָרן ברחבות. נאָר ליידער קאָן ער געזעציך דאָס ניט פאָדערן, אָבער אויסערן געזעץ איז דאָך נאָך פאַראַן אַ יושר — און דער יושר

וואָלט געווען, אַז די טעאַטערס זאָלן אים זען באַזאָרגן כאָטש אויף אַזויפיל, אַז ער זאָל לכל הפחות ניט וויסן פון קיין נויט. און אויסער די טעאַטערס זיינען אים גראָד אַזוי פאַרפליכטעט די שוישפילער. אפילו די, וואָס זיינען געקומען נאָך אים, ווייל ער האָט פאַר זיי אויסגעטראָטן אַ וועג און געשאַפן זייער נייע פראָפעסיע, און דעריבער וואָלט געווען רעכט, אַז אַלע צוזאַמען זאָלן טאָן אַלץ וואָס אין זייער מאַכט צו מאַכן אַביסל פריילעכער די עלטער פון גרינדער פון יידישן טעאַטער.“

אין אַ בריוו פון ג. (אַפּריל 1900) צו זיין תלמיד יאָזעף וויינשטאָק אין שיקאַגאָ, זאָגט ער זיך אָפּ אויף ווייטער צו באַשעפטיקן מיט יידיש טעאַטער.

אין אויגוסט 1900 איז ג. אָנוועזנד אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן, וואו ער שליסט אָן אינטימע פריינטשאַפט מיטן פאָטאָגראַפיסט יצחק פּערקאָף, [שפּעטער פּערזאָנאָפיצירט אין ג.׳ס פּיעסע „בן-עמי“], פון וועלכנס גאַסטפריינטלעכקייט ג. געניסט צו יעדער צייט ווען ער קומט אין לאָנדאָן.

אין 1901 נעמט זיך ג. שרייבן זיין ביאָגראַפיע און די אויטאָקריטיק פון זיינע פּיעסען, וועלכע הויבן אָן זיך דרוקן אין זעלבן יאָר אין „מיניקעס יום-טוב-בלעטער“ אין ניו יאָרק.

אַפיש פון דער בענעפיס-פאָרשטעלונג

נאָכדעם ווי ג. באַקומט 3500 פראַנק פון ניו-יאָרק, אַלס הכנסה פון דער בענעפיס-פאָרשטעלונג, וועלכע איז דאָרט פאַר אים איינגעאָרדנט געוואָרן דעם 22טן פעברואַר 1901, פאַרברענגט ער זומער 1901 אין די וואַרם-בעדער און פאָרט צוריק קיין פאַריז, פון

וואַנען ער קאָרעספּאָנדירט פון צייט צו צייט צו „די יידישע גאַזעטטען“ אין ניו-יאָרק.

„אויסער דער אויטאָביאָגראַפיע האָט גאָלדפאַדען — לויט נ. אויסלענדער און או. פינקעל — אין די פאַריזער יאָרן אויפן ליטעראַרישן געביט ווייניק וואָס אויפגעטאָן. עס ווערט דערציילט, אַז גאָלדפאַדען האָט אין פאַריז געוואוינט אין צענטער פון דער יידישער אָרעמקייט — די עמיגראַנטן פון רוסלאַנד. ער פלעגט אַרויסטרעטן מיט פּאַלעסטינאָפילישע לידער אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי. ער איז געווען אַן אָפטער אַריינגייער אויך אין הויז פון פאַריזער ראַבינער כהן, וועלכן גאָלדפאַדען האָט אויך, ווי באַוואוסט, געווידמעט אַ ליד. אַ פּנים, אַז אין דער סביבה פון פאַריזער ראַבינער האָט גאָלדפאַדען נאָך גיכער דורכגעמאַכט יענע רעאַקציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט איניקע יאָר פריער. אין די פאַריזער יאָרן איז גאָלדפאַדען געווען מער קאָנסערוואַטיוו געשטימט איידער ווען עס איז פריער אין זיין לעבן. מיט אַמאָל, נאָך אַן הפסקה פון העכער 30 יאָר, דערמאָנט ער זיך אָן זיין יוגנט-רעפּוטאַציע פון אַ העברעאישן דיכטער. ער וויל זי באַנייען. ער גיט ווידער אַרויס זיין ביכל „ציצים ופרחים“ (כאָטש אין דער פאָרעדע האַנדלט זיך עס אייגנטלעך וועגן באַרעכטיקן זיין שרייבן יידיש). ער שרייבט צו אַ פּאָר נייע העברעאישע שירים. די שירים זיינען, ווי דאָס רוב לידער פון גאָלדפאַדענס לעצטן פּעריאָד, באַגלייט מיט עטוואָס-פאַרדעכטיקע ווידמונגען, פון וועלכע עס לאָזט זיך דרינגען, אַז די לידער האָבן אויך געהאַט אַ געוויסן אוטיליטאַרן צוועק. דאָ אין פאַריז דערנענטערט זיך גאָלדפאַדען צו זיין 60-יאָריקן געבורטסטאָג [יולי 1900]. אין אייניקע אויסגאַבן („דער יוד“, „המליץ“ א. א.) ווערן געדרוקט אַרטיקלען געווידמעט גאָלדפאַדענס יובילייִ. אַלע פאַרענדיקן זיי זיך מיט אַ צורוף צו העלפן דעם מאַטעריעל-ליידנדיקן א. גאָלדפאַדען.“

זומער 1902 פאָרט ג. אַרום איבער ענגלאַנד. [דער נאָמען גאָלדפאַדען איז דאַמאָלט אַזוי פּאָפּולער איבער דער ענגלישער פּראָווינץ, אַז אַ געוויסער קיידאַנאָוו, וועלכער האָט אויסגעזען ענלעך צו גאָלדפאַדען, איז — לויט קאַרל זילבערמאַן — אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ און פאַרגעלייענט ג.׳ס ווערק, — אויסגעבנדיק זיך אַלס גאָלדפאַדען].

וועגן דאָזיקן פּעריאָד שרייבט ג. אין זיין בריוו צו דינעזאָן [פאַרעפנטלעכט דורך נחמן מייזיל אין דער וואַרשעווער „די יידישע וועלט“]: „איך וויל מיך דאָ באַשטרעבן ווי מעגלעך קורץ אייך איבערגעבן אייניקע עפּיזאָדן איר זאָלט אייך קאָנען מאַכן אַ באַגריף וויניקסטענס פון דער ל ע צ ט ע ר צייט פון מיין פאַריזער לעבן און עס זאָל אויך [אייך] קיין וואונדער זיין ווי אַנדערע, ווי אַזוי אַ מענטש עקסיסטירט אָן אַ פּרנסה, וועלכע מען האָט זי פון אים אָוועקגערויבט און ווי אַזוי לעבט נאָך דאָס באַשעפעניש, וואָס מען עסט עס אויף לעבעדיק? — מיין גאַנץ שטיקל גליק איז געווען, ווען אַ האַלבע וועלט עסט אויף און לעבט פון מיינע פרוכטע און גייסטעס פּראָדוקטן, וואָס איך האָב מיר פאַרזייט אין דער יוגנט פאַר מיין עלטער, האָבן זיי א י י נ ס מיר געמוזט איבערלאָזן, וואָס זיי האָבן עס נאָך ניט געקאָנט אָנבייסן: דאָס איז מיין נ אָ מ ע ן , וואָס גאָט האָט מיר געגעבן און מיין „איך“... ... עס קומט מיר פאָר ווי מיין „איך“ איז עפּעס אַ שטיקל לעבעדיקע „רעליקוויע“ פון אַ מוזעאום און איך, אין דער אייגנשאַפט פון אַן אימפּרעסאַריאָ, פיר א י ם אַרום אין לענדער און שטעט אין גרויסע סאַלאָנען צו דער אויסשטעלונג און דער עולם צאָלט אַנטרע נאָר אָנצוקוקן דעם אַנטיק... אַזוי האָב איך געלעבט די ערשטע צוויי יאָר אין פאַריז — נאָכדעם ווי די יידן האָבן זייער נייגירדע שוין באַפרידיקט מיט מיין „איך“, בין איך געקומען אין

דער גרויסער יידנבאַפעלקערטער שטאָט לאָנדאָן — דאָרטן האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמיטעט פון אַ 20 מיינע חסידים. זיי האָבן געדונגען איינעם פון די שענסטע און גרעסטע סאַלאָנען, וואָס אַנטהאַלט אריבער 2000 פערזאָנען און האָבן פּראָקלאַמירט, אַז אין אַ געוויסן אָוונט וועט דער עולם קאָנען האָבן די געלעגנהייט מיך זען פ ע ר ז ע נ ל ע ך און מיך הערן ריידן — באַשרייבן אייך די אָוואַציאָנען מיט דעם טאַראַראַם, וואָס דאַמאָלט איז געווען, ווי מאַנכע רעדאַקטערע פון ענגלישע צייטונגען האָבן מיך געשלעפּט צו פאָטאָגראַפן, מיין בילד אַריינשטעלן אין זייערע צייטונג[ען] מיט מיינער ביאָגראַפיע; די גרויסע רעדע, וואָס דער ראַבינער דר. גאַסטער, פּרעזידענט פון דעם זעלבן קאָמיטעט, האָט געהאַלטן וועגן מיר, און די אַפּלאָדיסמענטן, דאָס אַלץ געהער צו דער סדרה „כבוד“, וואָס מיך עקלט דערפון אפילו צו ריידן... די הויפּטזאַכע איז, וואָס איך האָב אַהיימגעפירט אַ פּאָר טויזנט פראַנק און האָב געלעבט אַ צייט רואיק בעל־הביתיש. ... פאַראַיאָרן אָנפאַנגס זומער, ווען איך האָב מיך געוואָלט פאַרקאַטשן מיט אייך צו ערנייערן די קאָרעספּאָנדענץ — האָב איך געמוזט אַוועק נאָך לאָנדאָן און אַנשטאָט, ווי איך האָב גערעכנט צו בלייבן דאָרט צוויי וואָכן, האָב איך פאַרבראַכט זעקס חדשים. ... אויסער לאָנדאָן זיינען נאָך דאָ פילע שטעט אין ענגלאַנד, וואָס זיינען באַפעלקערט פון יידן, צווישן זיי ציוניסטן, — אַז מען איז געוואויר געוואָרן אַז איך בין אין לאָנדאָן, האָב איך באַקומען איינלאַדונגען פון די שטעט, פון די קאָמיטעס, וועלכע האָבן זיך דאָרט געגרינדעט אום מיך אויף אַ „קאָנצערט“ אַהין אַראָפּצוברענגען. דאָס קאָנצערט באַשטייט פון בעל־הביתישע יונגעלייט אָדער מעדכען פון יעדער שטאָט, וועלכע קומען, מיר צוליב, דעם אָוונט זיך אויסצייכנען מיט זייער קונסט פון שפּילן אָדער זינגען (ענגלישע שטיק). צום שלום ערשיין איך אויף דער פּלאַטפאָרמע אין באַגלייטונג פון גאַנצן קאָמיטע. — איך דאַנק זיי פאַרן עולם, פאַר דער אויפנאַמע און דער פּרעזידענט פון דער קאָמיטע איבערריכט מיר אַ פּרעזענט און האַלט אַ קליינע רעדע, — אַזוי האָט מען מיך אין ליווערפּאָל פּרעזענטירט פון עבענהאָלץ אַ טייער שטעקל מיט אַ זילבערנעם קאָפּ, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעקריצט אין ענגלישע בוכשטאַבן דער שבח צום אנדענקן פון דעם קאָמיטע פון דער שטאָט מיט דעם דאַטום. אין מאַנטשעסטער האָט מען מיך פּרעזענטירט מיט אַ גאָלדענע טאַשן אור (אויפגעשריבן דעם דאַטום) — אין לידז האָבן מיך די אָרטיקע בני־ציון פּרעזענטירט מיט אַ גאָלדענע קייט און מעדאַליאָן (מיט אויפשריפט); אין די שאָטלענדישע שטעט עדינבורג און גלאַזגוי, וואו מיין באָבע איז דאָרט ניט געווען, האָבן מיך די בני־ציון אַהין איינגעלאַדן אויף אַ קאָנצערט (איך האָב זיי פאָרגעטראָגן דעם דור הפלגה) — דאָס קאָמיטע האָט מיך דאָרט פּרעזענטירט מיט אַ זילבערן סיגאַרעט־שפּיץ, ספּיטשניצע [צינדהאָלץ־קעסטל] און אַ זילבערנע טאַבאַקס דאָזע (מיט אויפשריפט). דאָס זיינען די מתנות. — איך רייד שוין ניט פון מזומנים־גאָלדענע פונטן, און רייד שוין ניט פון די גוואַלדן, וואָס איך שעם מיך פשוט צו דערציילן, מיט דער פּאַראַדע, ווי מען האָט מיך אַריינגעבראַכט אין יעדער שטאָט — די פּראַכטפולע וואוינונג, וואו איך האָב געפּראַוועט (עפּעס ווי אַ גוטער ייד) און די פּאַראַדע פון באַגלייטן ביים אַוועקפאָרן. ... אין דעם פיבערישן צושטאַנד לעבן מיר שוין דאָ דאָס זעקסטע יאָר — אונזער גאַנצער טרייסט איז, וואָס מיר זען קיין טעאַטער פאַר זיך — מיר האָבן פאַרגעסן אין דעם גאַנצן שאַרלאַטאַנסקן טעאַטער לעבן... און מיר זיינען העכסט צופרידן צו פירן אונזער רואיק, שטיל בעל־הביתיש לעבן.“

ג. פּלאַנט אומצוקערן זיך קיין רוסלאַנד. ער איז אפילו וועגן

דעם זיך מישב מיט נחום סאָקאָלאָוו, וועלכן ער באַגעגנט אין 1903 אין פּאַריז. אָבער ער ענדערט זיין פּלאַן און אין נאָוועמבער 1903 קערט זיך ג. צוריק קיין אַמעריקע.

עטלעכע כלל־טוער און טעאַטער־מענטשן האָב אין ניו־יאָרק אַראַנזשירט דעם 2 דעצעמבער 1903, נאָכמיטאָג, אין גרענד־טעאַטער, אַ גרויסן קבלת־פּנים, צוליב וועלכן ג. האָט פריער פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע אַן אויפרוף צו די יידישע מאַסן, אַז זיי זאָלן קומען אים מקבל פּנים זיין.

דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט. געשפּילט האָט מען צו איינצלנע אַקטן פון „שולמית“, „ברייינדעלע קאָזאַק“, „ביידע קוני־לעמעל“ און „בר כוכבא“ מיטן אַנטייל פון די באַדייטנדסטע כחות פון דער יידישער טעאַטער־וועלט. ג. איז נאָך יעדן אַקט שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרן. נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן געהאַלטן באַגריסונגס־רעדעס די אַקטיאָרן פיינמאַן, אַדלער און טאָמאַשעווסקי און ג. האָט געענטפערט.

אַפיש פון דער קבלת־פּנים־פאָרשטעלונג

אומקערן זיך איצט צו טעאַטער־טעטיקייט, איז אָבער שוין פאַר ג. געווען צו שווער. „איך האָב געהערט — שרייבט ער צו יצחק פערקאָף — אַז אין לאָנדאָן בויט מען אַ סטאַביל יידיש טעאַטער. פאַר מיר האָט עס קיין אינטערעס, עס איז צו שפּעט פאַר מיר. עס איז פאַר די יונגע דורות“. און צו זיינעם אַ פריינט, א. ליכטענשטיין, שרייבט ער: „איר ווינשט אודאי צו וויסן וואָס איך טו און וואָס איך מאַך? ענטפער: איך טו גאָרנישט און מאַך גאָרנישט — וואָס דער פליכט איז פון אַ געוויסנהאַפטן מענטשן אין דער וועלט צו טאָן און צו מאַכן, האָב איך שוין מיינס אָפּגעטאָן און אָפּגעמאַכט — איך האָב מיין מיסיאָן ערפילט און האָב געמאַכט פאַר דער וועלט אַ יידישן טעאַטער — און ווי אַזוינע מ אַ כ ע ר ווי איך מוזן פאַלן צום אָפּפער אַליין אום אַנדערע גליקליך צו מאַכן, אַזוי מוז איך יעצט זיצן און צוזען ווי אַלע מיינע אַקטיאָרן זיינען גליקלעך. מאַנכע האָבן זייערע אייגענע

הייזער, עקיפּאַזשן, די פּרויען זיינען באַהאַנגען מיט בריליאַנטן און איך מוז צופרידן זיין מיט דעם וואָס זיי זיינען מיר ווייניקסטנס ניט קיין קעגנער, ניט קיין שונאים... אייניקע אינטעליגענטע פּריוואַטע מענטשן האָבן זיך אַריינגעלייגט אין מיינע אינטערעסן און האָבן אויסגעווירקט, אַז יעדער טעאַטער דאַרף מיר צאָלן אַ קליינע וועכנטלעכע גאַזשע [5 דאָלאַר]. איינמאָל אין יאָר האָב איך אַ בענעפיס און דאָס איז מיין עקזיסטענץ."

וועגן ג.'ס קומען אין אַמעריקע, שרייבט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע זכרונות: „כבוד האָט ער געבעטן ביי די שוישפּילער פאַר דער בינע, אָבער ניט פאַר זיך אַליין, אָבוואָל די יידישע בינע איז געווען גאָלדפאַדענס לעבן. ער איז געזעסן דאָן [בעת דעם קבלת-פּנים פאַר אים] אין באַקס [לאָזשע], געקוקט אויף דער שיינער עלעגאַנטער בינע פון גרענד טעאַטער און אויף די פילע אַקטיאָרן אויף דער בינע און אַרום אים, אין באַקס, און זיין האַרץ האָט געקוואָלן פון נחת. איך האָב אין זיינע אַלטע אויגן געלעזן זיין פרייד און זיין גליק. ער האָט ווי געגאַפט און שטילערהייט אין זיך געשעפּטשעט: „מיין יידיש טעאַטער, מעשי ידי."

אַ גאַנץ אַנדער בילד וועגן ג.'ס קוק אויף די יידישע אַקטיאָרן, באַקומט זיך פון לעאָן קאָבריןס זכרונות:

„— איי, איי-איי, מיינע קינדער! — קרעכצט ער אַרויס.

„און ער הייבט זיך אָן צו קלאָגן פאַר מיר אויף די אַקטיאָרן, זיינע קינדער, וואָס ווילן אים איצט ניט קענען.

„ער האָט זיי פאַר מענטשן געמאַכט. איצט האָבן זיי קאַרעטן און פּאַלאַצן און כבוד, און זייער טאַטען ווילן זיי מער ניט קענען. דער איינציקער פון זיי, וואָס דערקענט אים יאָ, איז טאָמאַשעווסקי, דווקא איינער, וואָס ער איז קיינמאָל זיין אַקטיאָר ניט געווען.

„—ווייסט איר וואָס זיי וואָלטן געווען אָן מיר? — רעדט ער שוין מיט האַרץ און מיט ווייטאָג, און זיין פּנים, ווי פון פאַרשטייבטן מאַרמאָר, איז שוין אויפגעלעבט און רויטלט זיך, — אַלפאָנסן און קאַרמאַנשטשיקעס וואָלטן אַ סך פון זיי פאַרבליבן, ווען ניט איך! איר ווייסט די געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער? איך וועל אייך דערציילן. אַלפאָנסן און אַנדערע ווילדע יונגען זיינען געגאַנגען פון די שענקען און קאַבאַקן צו זייערע מוידן, האָב איך זיי אָפּגעשטעלט אויפן וועג און זיי געזאָגט: „קינדער, וואַרפט אַוועק אייערע מוידן און אייער הולטייסטווע, און קומט, מיר וועלן בעסער שפּילן יידיש טעאַטער" — און אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן דאָס יידישע טעאַטער."

אַב. קאַהאַן שרייבט וועגן יענער צייט [אין זיין בוך „אין די מיטעלע יאָהרען"]: „קיין סך נחת האָט ער דאָ [אין אַמעריקע] ניט געהאַט. צו אַ טעאַטער זיך צושלאָגן איז אים געווען שווער, און ווען ער האָט דאָ געפּרובט שרייבן נייע פּיעסען, האָט זיין טאַלאַנט אים ניט געקאָנט דינען. דער אַמעריקאַנער טעאַטער-מאַרק האָט געפאָדערט אַ גאַנץ אַנדערע סחורה.

. . . גאָלדפאַדען פלעגט פאַר מיר זיך באַקלאָגען אויף די ניו-יאָרקער יידישע טעאַטערס, אַז מען באַצאָלט אים ניט קיין „ראָיאַלטעס" [האָנאָראַר] פאַר זיינע פּיעסען. ער האָט שאַרף קריטיקירט הורוויצן און לאַטיינערן און די שוישפּילער. די שוישפּילער פלעגט ער אָנרופן מיט זייערע ערשטע נעמען (דודל, משהלע), ווי ער איז געוואוינט געווען זיי צו רופן אין רוסלאַנד, ווען זיי זיינען צו אים אָנגעקומען זיך לערנען „די מלאכה". ער פלעגט אָפט גע-ברויכן אַ וואָרט, וואָס מען קאָן ניט דרוקן. ער האָט גערעדט מיט הומאָר, דאָס רוב מיט אַ שמייכל. אין רומעניע און אין רוסלאַנד פלעגט ער אויף זיי [די אַקטיאָרן] קוקן ווי אַ בעל-הבית קוקט אויף זיינע משרתים. ער האָט זיי אַלעמען „פאַר מענטשן געמאַכט", ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן."

אין אַ בריוו צו דינעזאָן קלאָגט זיך ג.: „איך האָב קיין טענות ניט, וואָס דאָס אַמעריקאַנישע יידישע טעאַטער האָט זיין טאַטען ניט דערקענט און וויל ניט וויסן פון מיר. ביי אַ פאָלק, וואָס עלטערן און קינדער זיינען געצוואונגען צו וואַנדערן אין פאַרשיידענע צייטן און אָפט אויף פאַרשיידענע וועגן, איז קיין זעלטנהייט ניט, אַז קינדער זאָלן זייערע עלטערן ניט דערקענען און אפילו עלטערן זאָלן ניט קאָנען טרעפן דעם וועג צו זייערע קינדער. טענות אָבער האָב איך, כאָטש איך ווייס ניט צו וועמען, וואָס דאָס ליב קינד מיינס וואַקסט אויס אַ גוטער שגץ, אַ עזות מחוצף-פּנים, און איך מעג זיך רעכטן, אַז מען וועט מיך אַמאָל שעלטן אין טאַטען-אַריין פאַר דעם טייערן תכשיט, וואָס איך האָב אויף דער וועלט געבראַכט."

ג. האָט באַקומען אַ געוויסע שטיצע פון זיינע פאַרערער און האָט ווידער אַרויסגעגעבן אייניקע ביכלעך לידער.

מיט טעאַטער האָט ער זיך אין יענער צייט ווייניק אָפּגעגעבן, הגם מען טרעפט אים זייער אָפט הינטער די קוליסן פון די ניו-יאָרקער יידישע טעאַטערס. אין אַ בריוו צו זיין פריינט ליכטענשטיין בעט ער אים, אַז אַזוי ווי שרייבן אָריגינעלע פּיעסן פילט ער זיך צו שוואַך, זאָל ער אים צושיקן פראַנצויזישע וואָדעווילס, וועלכע ער וועט אפשר פּרובן באַאַרבעטן.

אין 1904 האָט אין ניו-יאָרק זיך געגרינדעט אַ פאַריין פון העברעאיש-רעדנדיקע יונגעלייט, „דר. הערצל ציון-קלאָב". אָנגערעגט דורך זיי טראָגט זיך אַרום ג. מיטן געדאַנק צו שאַפן אַ העברעאישע בינע: צווישן די מיטגלידער פון דאָזיקן פאַריין קלייבט ער אויס אַ צאָל „באַגאַבטע" יונגע אַקטיאָרן פאַר וועלכע ער שרייבט אָן דעם 18 דעצעמבער 1905 אָן איינאַקטער אין העברעאיש (מיט אייגענער מוזיק) „דוד במלחמה" און פירט אים אויף אין מערץ 1906 אונטער זיין אייגענער אויפזיכט, ניט געקוקט אויף זיין דעמאָלטיקן שוואַכן געזונט-צושטאַנד. די דאָזיקע „דעמאָנסטראַציע פאַר העברעאיש" איז געווען די ערשטע העברעאישע פאָרשטעלונג אין אַמעריקע.

דער איינאַקטער איז פון דער זעלבער „טרופּע" אויך אויפגעפירט געוואָרן אין מערץ 1907 און אין אַפּריל 1908. ביי יעדער פאָרשטעלונג האָט די פּיעסע געצויגן אַ גרויסן עולם און די יידישע און ענגלישע פּרעסע האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן.

ג. האָט — לויט דר. יהושע בלאָך — „ווירקלעך הנאה געהאַט פון דעם און אויף זיינע אַלטע יאָרן האָט ער אָנגעהויבן פילן, אַז ער איז ניט בלויז דער "פאָטער פון דער יידישער בינע", נאָר אפשר אויך „דער שעפער פון דער העברעאישער בינע".

דער איינאַקטער איז אָפּגעדרוקט אין העברעאישן אָריגינאַל אין „אַרכיוו פאַר יידיש טעאַטער", אַרויסגעגעבן דורך „יוו"א".

„אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט גאָלדפאַדען — לויט משה שטאַרקמאַן — ממש געליטן הונגער. זיין נויט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך געלאָזט איבעררייידן פון אַ געוויסן דר. לאַנדעס, ... , און פאַר אַ פּאָר דאָלאַר האָט ער אים אָנגעשריבן אַ רעקאָמענדאַציע-בריוו. דר. לאַנדעס האָט דעם בריוו פאַרעפנטלעכט אַלס אַן אַנאָנס אין דער יידישער פּרעסע און אים אויך געדרוקט אַלס פאָרוואָרט צו זיינע ביכלעך וועגן סעקסועלע ענינים. דער דאָזיקער אינצידענט האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט גאָלדפאַדענס שונאים, מיטן ראָמאַניסט-דראַמאַטורג משה זייפערט בראש, אין אים אַריינצושיסן גיפטיקע פיילן". און אונטער אַזעלכע באַדינגונגען האָט ג. אָנגעשריבן זיין פּיעסע „בן עמי" [בנוגע וועלכער ער דערקלערט, אַז דעם ערשטן אימפּולס צו איר האָט אים געגעבן דזשאָרדזש עליאָטס ראָמאַן „דניאל דעראָנדאַ"]. וועגן דער דאָזיקער פּיעסע זאָגט

זיך אַרויס ג. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע [קאַפּיטל: „פון שמענדריק ביז בן-עמי"]: „איך בין געקומען צו דעם באַשלוס, אַז דאָס נייע שטיק דאַרף זיין גאָר פון אַ נייעם סאָרט; ניט ענלעך צו מיינע אַלע פּיעסן, וועלכע איך האָב אַמאָל פאַרפאַסט אין אייראָפּע ביי פאַרשיידענע אומשטענדן, אין פאַרשיידענע לענדער און אין פאַרשיידענע צייטן, ווען מיין יידישע בינע איז נאָך גאָר אַ בייבי [קינד] געווען און די קרעפטע זיינען נאָך גאָר רוי געווען. . . . מיר יידן נויטיקן זיך איצט מער פון אימער אין פּעסטער אייניקייט — אַלע סעקטען, אינטריגען, קאַסטען, קאַפּריזן און פּאַרטיי-קעמפּע, דאַרפן פאַרוקט ווערן אויף דעם צווייטן פּלאַן און יעדער אמתער געטרייער ייד פון זיין פאָלק דאַרף זיך באַשטרעבן מיטצוהעלפן מיט ראַט און טאַט, מיט פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציאָן צו רעטן זיין פאָלק און צו אַרבעטן וועגן זיינע פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט; אויפמונטערן זיין געפאַלענעם מוט און אין זיין ביטערן כוס אַריינצוגיסן כאָטש איניקע זיסע טראָפּן פון טרייסט אין אַ בעסערער צוקונפט. און דאָס איז די הויפּט-אידעע פון מיין יעצטיקער נייע דראַמע — „בן-עמי".

וועגן ג.'ס לעצטע טעג שרייבט ב. גאָרין: „הגם שוין אַ קראַנקער און אויסגעמאַטערטער, האָט ער נאָך חשק געהאַט צו שרייבן פאַר דער בינע. דורכגעדרונגען מיטן נאַציאָנאַליסטישן געדאַנק, האָט ער זיך גענומען צו דראַמאַטיזירן „דניאל דערונדא", און אין אַ משך פון אַ פּאָר יאָר איז דערפון אַרויסגעקומען זיין לעצטע דראַמע „בן עמי", וועלכע, מחשבותן, האָט מיט דעם דערמאָנטן ענגלישן ראָמאַן גאָרניט צו טאָן. נאָר קיין נחת האָט ער פון זיין לעצטן ווערק ניט געהאַט. . . . אַ צייט נאָכדעם ווי ער האָט פאַרקויפט „בן עמי", האָט ער מיך באַגעגנט און פאַר מיר אויסגעגאָסן זיין האַרץ. ער האָט זיך ביטער געקלאָגט, אַז דער דירעקטאָר האָט די פּיעסע איבערגעגעבן צו עפּעס אַ יינגל אין זיין טעאַטער, אַז ער זאָל זי איבערמאַכן. דאָ איז ניט קיין פראַגע צי „בן עמי" איז אַ גוט ווערק צי ניט, דאָס איז געווען זיין לעצט ווערק, און מען האָט עס געקויפט צוליב זיין נאָמען. גאָלדפאַדען אַליין האָט אויך ניט געקלערט, אַז די פּיעסע איז בתכלית השלמות. עס איז נויטיק דאָ צוצוגעבן, אַז איידער ער האָט זי פאַרקויפט, האָט ער זיך געווענדעט צו די טעאַטער-קריטיקער זיי זאָלן צו אים קומען און ער וועט [זי] איבערלייענען, דערקלערנדיק, אַז ער פאַרלאַנגט זיי זאָלן אָנצייכענען אַלע פעלערן, וואָס זיי וועלן געפינען און ער וועט זיי אויסבעסערן. ער איז אויך געווען גרייט צו מאַכן די שינויים, וואָס דער דירעקטאָר האָט פאַרלאַנגט, נאָר וואָס אים האָט טיף באַליידיקט און געקרענקט איז געווען דאָס, וואָס אַ יינגל, וועלכער האָט ניט פאַרמאָגט זיין שיחת חולין און ניט זיין בינע-קענטעניש, זאָל איבערמאַכן זיינע אַ פּיעסע."

צוליב דעם וואָס ג. האָט פאַרקויפט זיין פּיעסע, האָבן די אַנדערע טעאַטערס אויפגעהערט אים צאָלן די 5 דאָלאַר אַ וואָך, מיט וועלכע זיי פלעגן אים שטיצן.

דעם 25 דעצעמבער 1907 איז אין פּיפּעלס טעאַטער א"ר פון באָרים טאָמאַשעווסקי אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס „בן עמי" אָדער „דער זאָהן פון מיין פאָלק", „מוזיקאַלישעם נאַציאָנאַל שטיק אין 4 אַקטן, מוזיק פון ה' פרידזעל, קופּלעטן-מוזיק און טעקסט פון ז. מאָגולעסקאָ".

באָרים טאָמאַשעווסקי שרייבט וועגן דער אויפירונג: „ווען דער אַלטער טאַטע אונזערער, אברהם גאָלדפאַדען, האָט פאַרטיק געמאַכט זיין לעצטעס ווערק „בן עמי", האָט ער אין פּיפּלס טעאַטער אויף דער בינע ביי זיינעם אַ בענעפיט אין אַ גלענצענדער רעדע אַנאָנסירט דעם פּובליקום, אַז זיין ווערק „בן עמי" איז פאַרטיק. דאָס האָט געמיינט, אַז דאָס פּובליקום זאָל וויסן, אַז גאָלדפאַדען האָט אַ ניי ווערק און די מענעדזשערס זאָלן קומען דאָס ווערק קויפן... נאָך דעם צווייטן אַקט [דאָ רעדט זיך וועגן פאָרלייענען די פּיעסע אין אַן אַנדער טעאַטער] האָט דאָס מענעדזשמענט מיט אַ פּאָר פיש-עסער [חונפים] פון מענעדזשער, עטלעכע פּאַטריאָטן, וואָס גיבן אַכטונג אויף די בראַוואָס און וואָס קלאַפּן בראַוואָ מיט ברעטלעך, אַ פּאָר רעאַליסטישע אַקטיאָרן, וואָס זיינען פאַרגוישט געוואָרן פון דעם גויישן רעאַליזמוס, זיך אויפגעשטעלט און ערקלערט דעם אַלטן גאָלדפאַדען, אַז זיין ווערק „בן עמי" איז קיין פּיעסע ניט: זי האָט ניט קיינע טיפּן, קיינע סצענען, קיין לעבן, קיין טענדענץ; און איינער, אַ חוצפּהניק, האָט עס נאָך פאַרשטאַרקט און גאָר אָן אַ ברעקל בושה געזאָגט דעם אַלטן גאָלדפאַדען, אַז ער איז עובר בטל און ווייס אַליין ניט וואָס ער האָט אָנגעשריבן, און דאָס מענעדזשמענט האָט גאָלדפאַדענען ערקלערט, אַז די פּיעסע „בן עמי" וועט ניט אויפגעפירט ווערן. . . . איך האָב דאָס ווערק אויפגעפירט טריי נאָך די פאָדערונגען ווי גאָלדפאַדען האָט עס אויפגעשריבן. צו די לעצטע צוויי פּראָבן איז גאָלדפאַדען געקומען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין דער לאָזשע און באַוואונדערט די פּראָבן. — טאָמאַשעווסקי — האָט ער מיר געזאָגט — איר האָט מיר געזאָגט, אַז מיר וועט מען אָנטאָן אַ קרוין פאַר מיין „בן עמי, און איך זאָג, אַז אייך דאַרף מען אָנטאָן אַ קרוין פאַר די אויפירונג פון מיין „בן עמי". איך זע ביידי פּראָבן, אַז איר האָט מיינע געשריבענע מענטשן לעבעדיק געמאַכט. איר האָט אין מיינע געדאַנקען אַ נשמה אַריינגעגעבן.

„און „בן עמי" איז אויפגעפירט געוואָרן מיט עטלעכע טעג שפּעטער. ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג איז די באַגייסטערונג געווען אַ שטורמישע. מען האָט אַרויסגערופן גאָלדפאַדענען אין די צענדליקער מאָל פאַרן פאָרהאַנג. די בראַוואָס און באַגייסטערונג איז [זיינען] געוואַקסן פון אַקט צו אַקט. ביים לעצטן אַקט איז דער אַלטער גאָלדפאַדען באַשענקט געוואָרן מיט בלומען און אַ בלומען-קראַנץ. גאָלדפאַדען איז געלאָפן אַהיים מיט זיינע פריינדע, טראָגנדיק בלומען מיט לאָרבערקרענצע און איז געבליבן שטיין ביי זיין טיר און זיך אָנגעטאָן אַ גרויסן קראַנץ איבער זיינע שולטערן און אַריינגעגאַנגען אין זיין הויז מיט אַ גדולה און אויסגעשריגן צו זיין לעבנסבאַגלייטערין: — דו זעסט, מאַמעלע, די בלומען און לאָרבערקרענצע? דאָס האָט דאָס פּובליקום געגעבן דעם עובר בטל גאָלדפאַדען. — וויינענדיק איז ער געפאַלן זיין פרוי אויף דעם האַלז און געמורמלט: —איך בין ניט עובר בטל, איך בין ניט עובר בטל. — 5 פאָרשטעלונגען האָט דער אַלטער טאַטע אברהם גאָלדפאַדען זיך געטרייסט און געקוויקט מיט זיין לעצטן קינד „בן עמי". ביי דער 5-טער פאָרשטעלונג האָט ער געזאָגט, ער פילט ניט גוט און אַוועק אַהיים אַ קראַנקער".

דאָס פאַרקערטע שרייבט ב. גאָרין: „דידאָזיקע פּיעסע האָט פריער געקויפט אַדלער, נאָר ער האָט [קיין] חשק געהאַט צו שפּילן אין איר. ענדלעך האָט טאָמאַשעווסקי זיך מרחם געווען אויף איר, אָבער ער האָט איר ניט געשטעלט ווי גאָלדפאַדען האָט פאַרלאַנגט. גאָלדפאַדען האָט געוואָלט, אַז זיין לעצטע פּיעסע זאָל זיין אָן מוזיק און זאָל אויפגעפירט ווערן אַלס אַ דראַמע, נאָר די דירעקטאָרן האָבן אַנדערש באַשלאָסן און „בן עמי" איז אויפגעפירט געוואָרן אַלס אָפּערעטע. ווי ווייניק נחת גאָלדפאַדען האָט ניט געהאַט פון זיין לעצטער פּיעסע, איז אים אָבער נאָך באַשערט געווען צו זיין ביי דער אויפירונג. די פּיעסע איז דורכגעפאַלן און מען האָט שוין געזאָלט אַרונטערנעמען איר פון דער בינע, נאָר פּלוצים איז ער קראַנק געוואָרן און אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער אויף אייביק פאַרמאַכט זיינע אויגן און מיט זיין טויט האָט ער אַ ניי לעבן געגעבן זיין לעצטע פּיעסע".

ענלעכס דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע זכרונות:
„דער פּאָעטער פון דער יידישער בינע, אברהם גאָלדפאַדען, האָט געפילט, אַז „בן עמי“ איז זיין לעצטעס ווערק און ער האָט דאָס אונצייליקע מאָל ווידערהאָלט. ער האָט געוואָלט, אַז זיין לעצטע שטיק זאָל ניט זיין קיין האָפּקע-פּיעסע, וואו די מוזיק שפּילט אָן אַ פאַרוואָס. ער האָט דערום פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אויפירן „בן עמי“ אַלס אַ דראַמע, אָן מוזיק, אָבער דער דירעקטאָר פון טעאַטער [באָרים טאָמאַשעווסקי] האָט געהייסן „מאַכן מוזיק“ און עס איז געבליבן ווי דער דירעקטאָר האָט געהייסן און ניט ווי דער פאַרפאַסער האָט געוואָלט. ביים אָנפאַנג איז די פּיעסע געווען אַ דורכפאַל. מען האָט זי שוין געזאָלט אפילו אַראָפּנעמען פון דער בינע און שטעלן אַן אַנדערע, אָבער גאָלדפאַדען ווערט דאַן פּלוצלינג קראַנק. אין עטלעכע טעג אַרום קומט דער קאַלטער טויט און רויבט אים אַוועק פון דער וועלט. גאָלדפאַדען שטאַרבט און מיט זיין טויט „בומט“ [רעקלאַמירט] ער זיין לעצטעס ווערק. די פּיעסע „בן עמי“ ווערט אַ סוקסעס און „לויפט“ אַ פערצען וואָכן „סטרייט“ [כסדר].“

דעם 9 יאַנואַר 1908 איז ג. געשטאָרבן און איז געבראַכט געוואָרן צו זיין אייביקער רו אויפן וואַשינגטאָן בית-עולם אין ניו-יאָרק.

ווי בעסי טאָמאַשעווסקי גיט איבער, איז ג.׳ס לעצטע וואָרט געווען: „התקוה“.

אין דער לויה האָבן זיך באַטייליקט אייניקע צענדליק טויזנט מלוים.

די פּיעסע „בן עמי“ איז ניט געדרוקט געוואָרן [הגם די אלמנה רעדט אין אירן אַ בריוו ווי וועגן אַ געדרוקטער פּיעסע]. אייניקע לידער פון דער פּיעסע זיינען געדרוקט אין „טהאָמאַשעפסקי׳ס טהעאַטער שריפטען“, ניו-יאָרק 1908. דער כתב-יד פון דער פּיעסע, מיט אַ דאַטע — ניו-יאָרק 8 נאָוועמבער 1906, געפינט זיך אין יידישן טעאַטער-מוזיי.

אין 1922 האָט ב. טאָמאַשעווסקי אויפגעפירט אין ניו-יאָרקער ניישאָנאַל-טעאַטער זיינע אָפּערעטע „דער גאָלדענער פּאָדעם“, פערזאָנאָפיצירנדיק ג. און זיין פאַמיליע אַלס „העלדן“.

די מוזיק איז באַשטאַנען פון אַ פּאָטפּורי פון ג.׳ס ניגונים.

אייניקע פראַגמענטן פון ג.׳ס ניט פאַרענדיקטע פּיעסן, דערונטער איינע א״נ „מיין צוואה“, געפינען זיך ביי ג.׳ס ברודער, ש. גאָלדפאַדען אין ניו-יאָרק. אַ מאַנוסקריפּט פון „מיין צוואה“ איז אויך פאַראַן ביי שלום פערלמוטער.

[יעקב מעסטעל, וועלכער האָט געלייענט דעם מאַנוסקריפּט פון „מיין צוואה“, גיט איבער, אַז דידאָזיקע פראַגמענטן זיינען „פאַרגאַנצט“ געוואָרן פון ש. גאָלדפאַדען, עס לאָזט זיך אָבער דערביי געפינען אָנווייזן, וועלכע שטעלן עס שטאַמען פון ג.׳ס פעדער און וועלכע עס זיינען „געפיקסט“ געוואָרן פון זיין ברודער].

אַ מאַנוסקריפּט פון ג.׳ס פּיעסע „דער סמבטיון“, וועלכע זאָל זיין אָנגעשריבן נאָך פאַר 1889 און ווערט דערמאָנט אין מזחם „במת ישחק“, געפינט זיך ביי נחום ראַקאָוו אין ניו-יאָרק. ביי שלום פערלמוטער געפינט זיך אויך אַ מאַנוסקריפּט פון ג.׳ס אַ פּיעסע „די פאַרשטויסענע כלה“ (אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג.)

ביי ב. גאָרין איז אויך פאַרנאָטירט אַן אויפפירונג (1899) פון ג.׳ס פּיעסע „דער מענטשנפרעסער“.

פון צייט צו צייט פלעגן אָנאָנסירט ווערן אויף ג.׳ס נאָמען פּיעסן מיט וועלכע ג. האָט קיין שום שייכות ניט געהאַט. אַזוי איז אָנאָנסירט געווען אין לאָנדאָנער וואָכנבלאַט „די צוקונפט“ יעקב פּ. אַדלערס אויפירונג (13 דעצעמבער 1884) פון „די אַרמוט אָדער אויף אַ אינזעל פערוואָרפען“, „דראַמע אין 5 אַקטען מיט געזאַנג פערפאַסט פון האָראָוויטץ עט גאָלדפאַדען“, אָבער שוין דעם 29 דע-

צעמבער פון זעלבן יאָר ווערט די פּיעסע אַנאָנסירט אַלס שמ״רס. אַן ענלעכער פאַל איז געווען מיט דער פּיעסע „די אינטריגאַנטען אָדער אומשולדיג פאַרפאָלגטע“, „קאָמעדיע אין 5 אַקטען מיט גע-זאַנג“, אויפגעפירט דעם 22 נאָוועמבער 1884 אין לעמבערג, מיט „די ליבע פאַר געלט“, „מעלאָדראַמע אין 5 אַקטן מיט געזאַנג“, געשפּילט דעם 25 יאַנואַר 1885 אין לאָנדאָן און מיט דער קאָמע-דיע „די לוסטיקע בחורים“, וועלכע ווערט אין וואַרשעווער פּויליש-יידישן וואָכנבלאַט „איזראַעליטאַ“ (נומער 27, 1890) אָנגעגעבן אַלס ג.׳ס און איז באמת הערמאַן פידלערס פאַריידישונג פון אַ פראַנ-צויזישן פאַרס, וועלכער איז אויף יידיש געשפּילט געוואָרן דורך יעקב פּ. אַדלער א״נ „די לוסטיקע קאוואלערן“ [אָפּטמאָל אפילו אַנאָנסירט מיט אַדלער אַלס מחבר].

די מצבה אויף גאָלדפאַדענס קבר

ג.׳ס פּאָפּולאַריטעט איז אויך אויסגענוצט געוואָרן פאַר אַ מיסטי-פיקאַציע: אין 1905 איז אין וואַרשע דערשינען אַ ביכל וויצן, צווישן וועלכע ס׳געפינען זיך אויך אייניקע גלייכווערטלעך פון ג., אָבער דאָס שער-בלאַט איז אויסגעשטעלט מיט אַ כונה ס׳זאָל זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז דאָס גאַנצע ביכל איז ג.׳ס:

„דער וויצלינג אָדער דער וועלט בערימטער לאַנדחכם
לויפט קויפט דאָס איז אַ סחורה
לייכט קייכט דאָס פערטרייבט די מרה שחורה
געזאַמעלטע וויצען פון פערשיעדענע פערפאַסער אונ פון
א. גאָלדפאַדען
וואַרשא תרסה
דרוק ש. ב. לאַנדא, נאַלעווקי 38“

אין רוסישן טעקסט ווערט ג.׳ס נאָמען ניט אָנגעגעבן.

אויפֿן נאָמען פֿון ג. זיינען אין פֿאַרשיידענע צייטן געגרינדעט געוואָרן פֿאַרשיידענע קלובן, פֿאַריינען, אינסטיטוציעס א. ד. גל. צו די באַזונדערס פּאָפּולערע געהערן: „דער יודישער אַרטיסטען-פֿאַריין — אברהם גאָלדפֿאַדען“ אין לעמבערג [געגרינדעט אין 1908 דורך גרשם באַדער, יוליוס גוטמאַן, מתתיהו טהור און נאָרמאַן גלימער. דער ציל פֿון פֿאַריין איז געווען: „צו באַשיצן די גייסטיקע און ווירטשאַפֿטלעכע אינטערעסן פֿון די בינע-קינסטלער“. אין פֿאַריין זיינען אַריינגענומען געוואָרן אַלס מיטגלידער אַקטיאָרן, שריפֿטשטעלער, מוזיקער און כאָריסטן, — און דער „גאָלדפֿאַדען פֿאַריין אין סטאַניסלאַוו“, גאַליציע, וועלכער פֿירט אָן אַ דראַמאַטיש-מוזיקאַליש-ליטעראַרישע טעטיקייט.

אין ניו-יאָרק עקסיסטירט ביז היינט צו טאָג אַ „גאָלדפֿאַדען-לאָדזש“.

1926 איז אין דער גאַנצער יידישער וועלט געפֿייערט געוואָרן דער 50 יאָריקער יובֿילײ פֿון יידישן טעאַטער און פֿון ג. אַלס זיין גרינדער. אין די גרעסערע טעאַטערס זיינען געגעבן געוואָרן ספּעציעלע יום-טובֿ פֿאָרשטעלונגען, אויך מאָדערניזירטע אויפֿפֿירונגען פֿון ג.׳ס פּיעסן. צו דער זעלבער געלעגנהייט זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן די גאָלדפֿאַדען-ביכער אין ניו-יאָרק און אין מינסק און אַ זאַמלונג „טעאַטער-בוך“, (אַרויסגעגעבן אין קיעווער פֿאַרלאַג „קולטור-ליגע“, 1927). אין דער פּרעסע זיינען דערשינען ספּעציעלע אַרטיקלען, דערונטער פֿיל מיט נייע דאַטן צו דער געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער. דאָס וואָכנבלאַט „ליטעראַרישע בלעטער“ אין וואַרשע האָט אַרויסגעגעבן (95, 1926) אַ ספּעציעלן גאָלדפֿאַדען-נומער.

לכּבֿוד דעם יובֿילײ האָט די יידישע „טעאַטער-מוזיי“-געזעלשאַפֿט אין ניו יאָרק איינגעאָרדנט אין לאָקאַל פֿון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע אַ טעאַטער-אויסשטעלונג מיט אַ באַזונדערער אָפּטיילונג פֿון גאָלדפֿאַדענס פּיעסן, מאַנוסקריפּטן, אילוסטראַציעס און פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון טיפּן און סצענעס אין ג.׳ס פּיעסן, ג.׳ס בילדער, נאָטן פֿון זיינע פּיעסן, חפֿצים פֿון רעקוויזיטן און מאַקעטס פֿון זיינע פּיעסן, פּלאַקאַטן, אַנאָנסן א. דג.

דער געדענק-טאָוול אין מאַריענבאַד

דורך דער איניציאַטיוו פֿון א. און קלאַראַ מייזעלס, מאיר צעלניקער און הילדא דאָליצקא איז געשאַפֿן געוואָרן אַ פֿאָנד פֿון בערך 3000 טשעכישע קראָנען און דעם 11 אויגוסט 1929 איז אין מאַריענבאַד (טשעכיע) פֿאָרגעקומען דאָס פֿייערלעכע אויפֿדעקן פֿון אַ געדענק-טאָוול אויפֿן הויז „וויסבאַדען“ — מיט דער אויפֿשריפֿט אין דייטש: „אין דעם הויז האָט געוואוינט דער גרינדער פֿון יידישן טעאַטער, אברהם גאָלדפֿאַדען, אין יוני פֿון יאָר 1897“.

ביי דער פֿייערונג זיינען געשפּילט געוואָרן מעלאָדיעס פֿון ג.׳ס „שולמית“.

די זאַמל-ליסטע און דאָקומענטן וועגן דער דאָזיקער פֿייערונג געפֿינען זיך אין „יוואָ“.

זעלטן איז אַרום אַ יידישן שרייבער געשאַפֿן געוואָרן אַזאַ ברייטע אויספֿאָרשונגס-ליטעראַטור ווי אַרום ג. וואָס צייטיקער דער יידישער טעאַטער איז געוואָרן, אַלץ בולטער האָט זיך אַרויסגעוויזן ג.׳ס באַדייט אַלס פּיאָנער פֿון דעם דאָזיקן טעאַטער.

ג. אַליין, ניט אָפּשאַצנדיק די וויכטיקייט פֿון זיין אייגענער ערשטער לייסטונג פֿאַרן יידישן טעאַטער, האָט אָפֿט געפּרובט זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר זיין „פּרימיטיווקייט“.

אַזוי שרייבט ער אין אַ בריוו צו שמ״ר: „איך, ווי איר זייט אַליין מיין עדות געווען, האָב געמוזט אָנפֿאַנגס אָנהייבן מיט קליינע אָפּערעטן (כאָטש איך וואָלט דאַמאָלט בעסער אימשטאַנד געווען צו שרייבן לעבנס-דראַמען), ווייל ערשטנס, ווען ניט אָנפֿאַנגס די קליינע אָפּערעטן פֿאַרפּוצט מיט אַביסל פֿאַנטאַזיע, וואָלט גאָר קיין טעאַטער נישט געווען; דען די אַמאָליקע רויע אומגעבילדעטע קרעפֿטע האָבן איין וואָרט ניט פֿאַרשטאַנען אַליין ווען מען שרייבט זיי אָן אַ רעכטן מאָנאָלאָג, און וואָס ערגער איז, אַז דאָס ליבע פּובליקום אין דער שטאָט [יאַסי], וואו איך האָב דאָס טעאַטער געגרינדעט, איז געווען נאָך רויער און אומגעבילדעטער פֿון די אַקטיאָרן“. און אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע: „. . . איך וואָלט מיך זיכער ניט באַדאַרפֿט בלאַמירן מיט „שמענדריק“ אָדער „ניע בע, ניע מע“, אַז די וועלט זאָל מיינען, אַז איך קען טאַקע אַנדערש ניט שרייבן, ווערנד איך בין געצוואונגען געווען צו שרייבן קעגן מיין ווילן און טראָץ מיינע פֿעאיקייטן און קענטניסע זיך אָפּגעבן מיט אַזוינע קינדערשע שפּילן. ווען אַ בילד-הויער, אַ סקולפּטאָר, האָט אַ יונג קינד פֿון אַ יאָר, וועט ער זיך ניט שטעלן אויסהאַקן פֿון ווייסן מאַרמאָר אַ קונסטבילד פֿון „נאַפּאָלעאָן“ אָדער „וויקטאָר הוגאָ“ און דאָס געבן זיין קינד זאָל זיך מיט דעם שפּילן. ער וועט גיכער מאַכן פֿון האָלץ אַן אומגעלומפּערטע פּופּע . . . דאָס קינד וועט זיך מיט דעם פֿיל בעסער אַמוזירן ווי מיט דער מאַרמאָרנער, ווייסער, היסטאָרישער פֿיגור, וואָס וועט ערשט האָבן דאַן אַן אינטערעס פֿאַר אים, ווען ער וועט שוין ווערן עלטער, אויסגעוואַקסן. . . . דערפֿאַר האָב איך נישט געטאָרט מיט אַמאָל געבן אַ שפּרונג מיט אַ רעכטער דראַמע, אָפּערעטע אָדער קאָמעדיע און האָב ווידער געמוזט מאַכן אַזאַ מאַכינאַציע“.

אַן ענלעכן שטאַנדפּונקט פֿאַרטרעט אויך דר. יצחק שיפּער: „פֿון משוררים, לידער-זינגער און ווי אַמאָל אויך פֿון פּשוטע יונגען פֿון גאַס (אָדער — בעסער געזאָגט: יונגען פֿון „פֿאַרבאַטענע געסלעך“) האָט ער געמאַכט אַקטיאָרן-פּראָפֿעסיאָנאַליסטן, וואָס אַ טייל פֿון זיי באַלאַנגט צו דער „העלדן-תקופֿה“ אין דער יידישער אַקטיאָרן-געשיכטע. . . . פֿון דעם אַלטפֿרענקישן, פֿאַרגליווערטן רעפּערטואַר האָט ער אַראָפּגענומען דעם שימל און אים באַלעבט, באַהויכט מיט אַ נייעם אָטעם. און מיטן כּח פֿון דעם באַנייטן רעפּערטואַר ווי אויך מיט דער הילף פֿון זיינע אַקטיאָרן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען זאַפֿטיקע טאַלאַנטן, ממש „ווילדע זשעניען“, האָט ער דעם עולם אַרויסגעשלעפּט פֿון די שטובן און קעלערן און באַשאַפֿן אַ „פּובליקום“, וואָס קומט זיך צונויף אין

טעאטער כדי אויסצוהערן א שפיל. אזוי איז געווארן פון „פורים-שפילעריי“ און פון „בענקל-זינגעריי“ — יידיש טעאטער. . . . ערשט דער רעפערטואר האט דערמעגלעכט א לעבעדיקן קאנטאקט צווישן אקטיאר און פובליקום. ער איז געווען דאס הארץ פונם ארגאניזם, וואס רופט זיך „יידיש טעאטער“. און דערין באשטייט אויך דער הויפט-פארדינסט פון גאלדפאדענען, וואס ער האט געשאפן אזא געזונט-צאפלדיק הארץ מיט א נארמאלער בלוט-צירקולאציע. מעג אונז ביים היינטיקן טאג מער ניט באפרידיקן דער רעפערטואר וואס גאלדפאדען האט באשאפן, מעג ער אויסזען נאאיוו און פרימיטיוו, איז דאס אבער ניט קיין ראיה, אז מיר זאלן אונטערשעצן זיין היסטארישע באדייטונג. ס'מעג קלינגען ווי א פאראדאקס, אבער מיר דוכט, אז גאלדפאדען וואלט ניט צוגעאיילט די געשיכטע פון דעם יידישן טעאטער, ווען ער וואלט זיין רעפערטואר, אין דער צייט ווען ער האט אים געשאפן, אוועקגעשטעלט אויף א העכערער קינסטלערישער מדרגה ווי ער האט דאס געמאכט אין דער אמתן. מיר וואלטן געהאט א „ליטעראַרישן“ גאלדפאדען, אבער ווער ווייס צי מיר וואלטן געהאט א שטענדיקן יידישן טעאטער מיט א פארגאנגענהייט פון א האלבן יארהונדערט.
— צום גליק האט גאלדפאדען געהאט די אמביציע ליבער צו ווערן א טעאטער-דירעקטאר איידער א ליטעראט!“

אין זיין „ניו-יארקער יודישע אילוסטרירטע צייטונג“ (ניו יארק 1887) פרובט ג. אויף אן אנדערן אופן צו דערקלערן די סיבות פון זיין פרימיטיוון שאפן פאר דער בינע: „אזוי ווי אונזער ייד איז שטענדיק פארפאלגט פון אנדערע נאציאנען און דאס הארץ איז אים שטענדיק פארביטערט, אזוי ווי יעדערער ייד שפילט זיך אפ זיין אייגענע דראמע ביי זיך אין דער היים; דער בעל-הבית איז פארזארגט, דאס ווייב שרייט און שעלט, די קינדערלעך וויינען, האב איך אים געמאכט אן ארט, דאס טעאטער, ער זאל האבן וואוהין צו אנטלויפן אויף עטלעכע שטונדן פון זיינע ביטערע דאגות, וואס פארפאלגן אים א גאנצן טאג. די אייניקע שטונדן, וואס ער ברענגט צו אין טעאטער, *מוז* ער פארגעסן זיינע צרות, ער *מוז* לאכן, ער *מוז* הערן זינגען, ער *מוז* זען טאנצן, און קויפט זיך פאר ווייניק געלט זיין גרויס פארגעניגן, דערפאר איז געווען שטענדיק מיין פלאן צו פארפאסן *נאר* קאמישעס מיט געזאנג און טענצע, וואס ס'הייסט אפערעטע“.

אין קעגנזאץ צו דוד פרישמאן, וועלכער פארלאנגט, אז ג.'ס פיעסן זאל מען שפילן אין א „באארבעטונג“, שרייבט ג. אין א בריוו צו שלום-עליכם: „*פארבעסערן* איינע אלטע זאך, הייסט ביי מיר די זאך *פארדארבן*. איך באטראכט מיינע אלטע שריפטן (זאגאר א יאר אלט) ווי איין אנטיקיטעט [אנטיק], און עס איז ביי מיר גלייך דערצו ווי מען זאל נעמען איינע אלטע עגיפטישע קאלאנע אדער איין אלטמאדישן טיש און מען זאל עס וועלן אויסבעסערן נאך דעם נייעם סטיל. איר ווייסט, אז דער מייסטער איז עובר אויף „בל תשחית“ — די *אלטע* זאך האט נאר איר געוויסן ווערט *ווייל זי איז אלט*, מעג זיין ווי פאסקודנע קעגן דעם נייעם סטיל און ווען מען בעסערט זי אויס, פארלירט זי איר ווערט אלס אנטיקיטע. איך שעם זיך אליין יעצט פארוואס איך האב געשריבן „שמענדריק“. פאר דעם ווארען קריטיקער פון יידישן טעאטער וועט „שמענדריק“ זיין א שטיק גאלד. ער וועט זאגן: איר וועט פרעגן ווי קומט עס, אז דער פארפאסער פון „שולמית“ און „בר כוכבא“ — זאל שרייבן אזא „שמענדריק“ — וועל איך אייך ענטפערן, אז „שמענדריק“ האט דערפאר זיין ווערט, ווייל ער וויזט אונז וואס און *ווי* מען האט באדארפט שרייבן ווערנד די יידישע בינע איז נאך געלעגן אין די ווינדעלעך, זי איז אלט געווען א פערטל יאר. . . . און ענדלעך: „שמענדריק“ איז געווען דאס בריקל, וואס האט איבערגעפירט דאס יידישע טעאטער ביז אין דער שטופע ווי עס שטייט יעצט — דען ווען איך פאנג אן פון „אוריאל אקאסטא“, וואלט גאר קיין יידישער טעאטער זיך ניט געקאנט אנטוויקלען און אנטשטיין — ווען בעדער-יונגלעך און גאסן-מיידלעך וואלטן באדארפט אויסריידן דע סילוואס פילאזאפישע רייד און די רויע שניידערלעך און שוסטערלעך וואלטן באדארפט אויפשטעלן זייערע אויערן צו הערן, וואס זיי קאנען ניט פארשטיין — “.

אין דעם זין פארענטפערט זיך אויך יעקב גארדין פאר זיין באארבעטונג פון ג.'ס „מליץ יושר“ און „משיחס צייטן“: „. . . ווען איך האב גענומען באארבעטן גאלדפאדענס ווערק „משיחס צייטן“, האב איך געמוזט אויפשרייבן א גאנץ נייע דראמע, פון אנהייב ביזן אויסלאז, פון ערשטן ווארט ביזן לעצטן — נייע טיפן, נייע כאראקטערע, נייע געדאנקען, נייע ווערטער. שרייבט מען שוין א לעבנס-בילד, וויל מען שוין יא אויסדריקן א געדאנק מיט די ווערטער „משיחס צייטן“, דארף מען עטוואס קענען און עטוואס פארשטיין, מען דארף קענען דאס לעבן, וועלכעס מען וויל שילדערן, מען דארף פארשטיין, אז די אידעע פון „משיחס צייטן“ קאן ניט אויסגעדריקט ווערן מיט קופלעטן, פאלשע פארטייאישע מיינונגען, פאטריאטישע לידער פון „אתה בחרתנו“דיקע געדאנקען . . . אין דער פיעסע „משיחס צייטן“ געהערט דעם ה' גאלדפאדען נאר דער נאמען און אייניקע קופלעטן, אלץ איבריקס איז פארפאסט פון יעקב גארדין“.

אבער אין זיין ארטיקל „פון שמענדריק ביז בן-עמי“ [אין 1907] שרייבט ג. ווידער: „אויף א בינע, אומשטיינס געזאגט, וואס איך האב קוים געפועלט ביים אייגנטימער פון דעם הויז ער זאל מיר אויסהאקן א לאך אין וואנד פונם האל [זאל], וואס פון יענער זייט איז געווען א קליין קעמערל, וואו ער פלעגט האלטן א שטאל מיט גענז, — דאס איז געווען מיין ערשטע בינע, וואו איך האב געמוזט שפילן מיט 3-4 „שפילערס“, אן א פרוי, אן א כאר, אן דעקאראציעס און פאר אן עולם, וואס שמענדעדיק איז נאך געווען צו הויך פאר זיין גייסטיקע[ר] אנטוויקלונג — איז שמענדריק געווען אן איבערראשונג — א צוג-שטיק, וואס איז געגאנגען 125 מאל מיט דעם גרעסטן ערפאלג — האב איך דאמאלט געזאלט פארפאסן היסטארישע קאסטיומירטע אפערעטן, אדער איבערזעצן לעבנס-דראמען און קאמעדיעס פון די בארימטסטע אויטארן פון די אומות-העולם?

„וואלט מיר געהאט געווען באשערט צו גרינדן דאס טעאטער אין רוסלאנד, וואו עס זיינען דא פיל מבינים אויף ווארע דראמען, וואלט עס מיר געגעבן מוט צו ארבעטן פארווערטס אויף דעם זעלבן זשאנר און עס וואלט גאר אן אנדער רעפערטואר באשאפן געווארן. דער צופאל האט אבער געוואלט איך זאל לייגן דעם גרונדשטיין פון יידישן טעאטער אין *רומעניע*, אין א לאנד און פאר א פעבל, וואס צוריק מיט 30 יאר האט עס נאך קיין באגריף ניט געהאט פון טעאטער-ליטעראטור... פאר אן עולם וואס זיין גאנצע פיזישע און גייסטיקע נארונג איז באשטאנען אין א גוט גלעזל דראבעשטער וויין און אין יידישע „לידלעך“ — און ווען איך האב אויפגעפירט מיין ערשטע לעבנס-דראמע, ריין אן קאמיקער, אן געזענגע, זיינען מאנכע פון פובליקום צו מיר ארויפגעגאנגען אויף דער בינע און מיך אפאסטראפירט מיט פאלגנדיקע כאראקטעריסטישע ווערטער:

„— מיר קומען ניט אין טעאטער מען זאל אונז *אנוויינען* א קאפ! . . . מיר האבן אונזערע אייגענע צרות אין דער היים פון ווייב און קינדער! — מיר קומען אין טעאטער איר זאלט אונז

אונטערהאַלטן און פאַר אונזער פראַנק ווילן מיר איר זאָלט אונז פריילעך מאַכן און מיר זאָלן זיך גוט אָנלאַכן".

ש. ל. ציטראָן זעט אָבער אין דעם אַ טיפערע כונה: „לויט זיי [די סיבות פון דער אנטשטייאונג פון יידישן טעאַטער] קומט אויס, אַז גאָלדפאַדען איז צוגעטראָטן צו בויען דאָס יידישע טעאַטער נאָר צוליב ריין מאַטעריעלע צוועקן, ד. ה. צוליב דער מטבע, און דאָס איז אויך די סיבה, וואָס האָט אים באַוואויגן צוצופאַסן זיינע ערשטע פיעסען צו דעם פאַרגרעבטן געשמאַק פון דעם המון. דאָס איז אָבער ניט ריכטיק. מיט דעם געדאַנק צו באַשאַפן אַ יידישן טעאַטער האָט זיך גאָלדפאַדען אַרומגעטראָגן נאָך פון זיין פרישטער יוגנט, און נאָר מיט דער איינציקער מחשבה, אַז דאָס זאָל דינען אַלס אינסטרומענט פאַר דער פאָלקס-בילדונג."

אין דעמזעלבן גייסט זעט דעם גאָלדפאַדען-פעריאָד מ. ליטוואַקאָוו אין זיין בוך „פינף יאָר מלוכישער אידישער קאַמער-טעאַטער": „אברהם גאָלדפאַדען איז געווען דער לעצטער פון די פאַרלוירן-געגאַנגענע געניאַלע יידישע בדחנים, מאַרשאַלעקן, פורים-שפּילער. אין אים האָט געלעבט די אינטואיטיווע קראַפט פון יידישן מאַסען-קאָמעדיאַנט. ער איז געווען באַרופן צו באַנייען און פאַרפעסטיקן די מסורה פון דער יידישער פאָלקס-שפּיל, האָט ער געשאַפן סכעמעס פאַר דראַמאַטישע האַנדלונגען, סקעלעטן פאַר טעאַטער-שפּילן. אָבער ניט דער דור און ניט די סביבה זיינען דאַמאָלט געווען מסוגל צו שאַפן דעם מאָדערנעם יידישן קונסט-טעאַטער, איז גאָלדפאַדען אָביעקטיוו געווען געצוואונגען אנטאָן זיין האַנדלונג אין שמ'רישע סוזשעטן און זיי פאַרקערפערן אויף דער בינע אין וואויל-יונגערישער שפּיל. . . . גאָלדפאַדען האָט געדאַרפט און אפשר געקאַנט ווערן דער ערשטער באַשעפער פון קלאַסישע טעאַטער-טראַדיציעס אין דער יידישער סביבה, האָט דער היסטאָרישער גורל אים פאַרמשפט צו ווערן אַ מין „משה רבנו" פון טעאַטער-שונד. . . . גאָלדפאַדען האָט געהאַט דעם טעמפּעראַמענט פון אַ פורים-שפּילער און געלעבט האָט אין אים דער דראַנג צו שיינקייט, וואָס איז [פאַרבאָרגען] אין אונזער פאַרגאַנגענער פאָלקסטימלעכער טעאַטראַלישקייט".

דעם קעגנזאַץ דריקט אויס דוד פּינסקי אין זיין בוך „דאָס אידישע דראַמאַ": „דער גרינדער פון דעם יידישן טעאַטער נעמט דעם בדחן פאַר זיין אויסגאַנגספּונקט. וואָס ער האָט ניט געוואָלט טאָן אַליין אַלס בדחן, טוט ער עס מיט זיינע פּיעסען. ער צעלייגט, אַזוי צו זאָגן, דעם בדחן אויף זיינע דריי אונטערהאַלטונגס-עלעמענטן און טיילט זיי איין פאַרשיידענע פּערזאָנען: ווער עס זאָל פאַרטרעטן און אַרויסזאָגן ערנסטע געדאַנקען און ווער עס זאָל פּאַיאַצעווען, און אַלע מעגן זינגען. ער, דער טאַלאַנטפולער, באַגאַבטער מענטש, דער געשטודירטער און באַלעזענער, האָט ניט אַרויסגעבראַכט קיין קונסט-ווערק, נאָר אין אַ פּיעסע-צעגלידערטן, אין אַ פּיעסע-מגולגל געוואָרענעם בדחן. . . . דער אינהאַלט פון זיינע פּיעסען איז קיין אינהאַלט ניט. די מעשה איז גאָר קיין מעשה ניט. עטוואָס קומט דאָ פאַר אונז פאָר אָן קיין שום צוזאַמענהאַנג, אָן קיין שום סמיכת הפּרשה, אָן קיין שום פאַרוואָס און פאַר ווען. . . . זיינע ערנסטע געדאַנקען זיינען די געדאַנקען פון די בעסערע בדחנים פון זיין צייט, פון אליקום צונזער, צום ביישפּיל, פון מיכל גאָרדאָן . . . גאָלדפאַדענס געשטאַלטן, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען פון דעם בדחנס ערנסטן עלעמענט, שטעלן אויך מיט זיך קיינעם ניט פאָר, זיינען קיינעמס ניט אָפּבילד. זיי זיינען קיין מענטשן ניט, קיין טיפּן ניט און קיין יחידים ניט. זיי זיינען בלויז ערנסטע געדאַנקען, מוסר השכלן אויף צוויי פיס. . . . ערשט אין זיין פּאַיאַצישן עלעמענט . . . זיינען [זיינע געשטאַלטן] קאַריקאַטורן, בדחנישע פּאַרזעניש. אָבער דעם בדחנס הומאָר איז פאָלקס הומאָר און גאָלדפאַדענס קאַריקאַטורן האָבן אויף זיך אַזויפיל פון דעם פאָלקס-הומאָר, אַז זיי זיינען געוואָרן דעם פאָלקס-אייגנטום."

ש. ל. ציטראָן גיט איבער אַן ענלעכע מיינונג אין נאָמען פון י. ל. פּרץ: בעת אַ געשפּרעך וועגן דעם יידישן טעאַטער צווישן פּרץ און ג., האָט פּרץ „באַנוצט די געלעגנהייט אויפצוּוואַרפן גאָלדפאַדענען זיין „שמענדריק" מיט „די צוויי קוני-לעמלעך" א. א. וו. — אַז איך וואָלט געהאַט אייער טאַלאַנט, אַזוי האָט זיך פּרץ דאַמאָלט אויסגעדריקט (כאָטש ווי מיר איז שפּעטער עטלעכע מאָל אויסגעקומען פון אים צו הערן, האָט ער פון גאָלדפאַדענס טאַלאַנט ניט אַזוי שטאַרק געהאַלטן), וואָלט איך געבויט מיינע דראַמעס צי קאָמעדיעס אויף פיל וויכטיקערע און אמתערע זייטן פונם יידישן לעבן. אָט נעמט, למשל, די סיסטעמלאָזיקייט פון אונזער קינדער-ערציאונג אין פּוילן...

„. . . גאָלדפאַדען, געדענק איך, האָט זיך שטאַרק אָנגענומען פאַר זיינע „העלדן" און געוואָלט אויפווייזן, אַז זיי זיינען לגמרי ניט קיין קאַריקאַטורן, נאָר אמתע באַשעפענישן, גענומען פונם לעבן, פונם וואָליניש-יידישן לעבן, צוגעריכט צוליב עפעקט מיט פאַרשיידענע מינים טעאַטער-קרייטיכער. פּרץ האָט זיך מיט גאָלדפאַדענען לאַנג מתווכח געווען, האָט אָפּגעשלאָגן אַלע זיינע טענות און פאַרגעלייגט אַ גאַנצע רשימה בילדער, וועלכע קאָנען און דאַרפן אָנגעטאָן ווערן אין דראַמאַטישע פאָרמען און פאָרגעשטעלט ווערן אויף דער יידישער בינע."

אויך יעקב דינעזאָן האָט ניט געהאַט קיין איבריק געהויבענע מיינונג וועגן ג.'ס שאַפן פאַרן טעאַטער: „. . . ער האָט צוליב דעם טעאַטער, וואָס איז ביי אים אַ לעבנס-אויפגאַבע געוואָרן, מקריב געווען אין אַ געוויסער באַציאונג זיין וואָרן און בעסערן טאַלאַנט. איך מיין: ער האָט צוליב דאָס טעאַטער און ניט-געלונגענע טעאַטער-שטיק אויפגעהערט צו זיין דער ריינער פאָלקאָמענער פאָלקס-דיכטער, וואָס ער איז עס פון זיין נאַטור און טאַלאַנט אויס פריער געווען. . . . צוליב דעם טעאַטער האָט דאָס פאָלק אין אים פאַרלוירן וואָס ער האָט מיט רעכט פון אים נאָך געקאָנט פיל האָבן; צוליב דעם טעאַטער האָט אויך ערביים פאָלק פאַרלוירן אין העכסטער ווירדע און ריינסטער אַכטונג, וואָס ער האָט אומבאַדינגט דורך זיין אייגנאַרטיקן טאַלאַנט געזאָלט פאַרדינען. יאָ, ער האָט דעם בעסטן, ליבסטן און שענסטן טייל פון זיין טאַלאַנט אויף דאָס טעאַטער אויסגעטויש, און ווייל דער טויש איז ניט קיין נאַטירליכער געווען, איז ער ממילא אויך קיין געלונגענער געבליבן. דאָס טעאַטער האָט אים אַריבערגעוואַקסן, זיינע תלמידים האָבן זייער רבין אַריבערגעשטיגן. . . . איך ווייס ניט, צי האָט דער טאַטע פון יידישן טעאַטער אויסגעפּוצט זיין ניי-געבוירן קינד מיט אַזויפיל שיינע לידעלעך, ווייל ער האָט פאַר זיך געהאַט אַ מוסטער די אַלט-יידישע, כלומרשט טעאַטער-פאָרשטעלונגען, אַ שטייגער: „שפּרינצער המן" פון פּורים-שפּיל, „מכירת יוסף", „מלוכת שאול" און נאָך אַזעלכע, וואָס זיינען באַשטאַנען דורכאויס פון לויטער גראַמען און געזאַנג, און גאָלדפאַדענען אַליין איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן אַ יידיש טעאַטער אָן גראַמען, אַ האַנדלונג אויף דער יידישער סצענע אָן געזאַנג, אָדער ער האָט עס באַרעכנט געטאָן? פּילנדיק אי זיך אַליין, אי דאָס יידישע פּובליקום ווייניק צוגעגרייט צו ערנסטע טעאַטער-פאָרשטעלונגען, און אַליין דערקענענדיק די שוואַכע זייטן פון זיינע פּיעסען, האָט ער אפשר דעם חסרון געמיינט ממלא צו זיין מיט זיינע יידישע לידעלעך, אין וואָס ער האָט זיך יעדנפאַלס געמעגט פילן שטאַרקער. אַ סך גאָלדפאַדענס לידלעך זיינען שוין דעם יידישן פּובליקום באַקאַנט און באַליבט געווען נאָך אַ צייט פריער, איידער ער אַליין האָט נאָך דאָס יידישע

טעאַטער אין חלום געזען. צייטנווייז בין איך אפילו גרייט געווען צו גלויבן, אַז ניט די לידלעך זיינען צוליב דעם טעאַטער אויף דער וועלט געקומען, נאָר דאָס גאַנצע יידישע טעאַטער איז צוליב די לידלעך באַשאַפן געוואָרן. אָבער ווי דאָרט איז שוין געשען, איז איצט קיין נפקא מינה ניט; איינס איז ביי מיר געוויס, אַז דאָס גאַנצע אינטערעס פון דעם דאַמאָלטיקן יידישן טעאַטער, זיין גאַנצער חן, ווי פאַר די מאַסען אַזוי אויך פאַר דעם אינטעליגענטן עולם, זיינען געווען נאָר די גאָלדפאַדענישע יידישע לידעלעך, און מען קאָן דעריבער זאָגן: גאָלדפאַדענס יידישע טעאַטער-לידלעך זיינען מכפר די אַלע קינדערשע פעלערן און אָפט אויך נאַרישקייטן אין דעם גאָלדפאַדענישן יידישן טעאַטער. . . . זיי זיינען מיט דער צייט געוואָרן פאָלקס-לידער.“

דינעזאָן דערציילט אויך, אַז ג.׳ס ניגונים פלעגן געזונגען ווערן אין רבנישע הויפן.

אַ ברייטערע אָפּשאַצונג וועגן ג.׳ס שאַפן פאַרן טעאַטער, גיט ב. גאָרין אין „די געשיכטע פון אידישען טעאַטער“: „גאָלדפאַדען איז געווען דער איינציקער פון אַלע יענע, וואָס האָבן ביז דאַמאָלט געשריבן פאַרן יידישן טעאַטער, צו באַגרייפן דעם תוך פון דער בינע און מער פון אַלע האָט ער אינסטינקטיוו געפילט וואָס עס פאָדערט זיך פאַר אַן ערשט געשאַפענעם טעאַטער. . . . און טאַקע די ערשטע יאָרן פון זיין טעטיקייט אויף דער בינע — האָט דער קונדס אין אים איינגאַנצן פאַרטריבן דעם פּאָעט און עס איז געווען דער קונדס אין אים, וואָס האָט זיך אַזוי גרינג צוגעפּאַסט צו [פרעמדע] האַמעטנע פאַרסן, גראָבע בורלעסקעס און ביליקע קאָמעדיעס. . . . , וואָס האָבן אין אָריגינאַל געהאַט נאָר איין צוועק: צו אונטערהאַלטן אַ גראָבן געשמאַק און מאַכן אַ פּראָסטן עולם צו לאַכן. גאָלדפאַדען איז אויך אויסן צו לאַכן און מאַכן דעם עולם פריילעך, נאָר דיזעלביקע פאַרסן, ווען זיי גייען דורך זיינע הענט, נעמען זיי אָן נאָך אַ טענדענץ און דאָס איז: צו עפענען די אויגן פון דעם טעאַטער-גייער אויף דעם זיסן ליכט פון השכלה. אַ חוץ דעם וואָס גאָלדפאַדען איז אַ קונדס, איז ער אויך קאַמפּסלוסטיק, נאָר זיין קאַמף פירט ער אָן שנאה, אָן אַ פאַרביטערטקייט, אָן גאַל. ער האָט אין די מיינסטע שטיקער זיינע געהאַט אַן אויג, אַז דאָרטן וואו ער פאַרשפּאָט אַ געוויסן סאָרט יידן, זאָל אויך זיין אַ שיינער ייד און אַז פּאַראַלעל מיט דעם „פעלער“ זאָל אויך זיין אַ „מעלה“. די מוסטערס, וואָס ער האָט אויסגעקליבן פאַר זיינע ערשטע שטיקער זיינען געווען גראָבע פאַרסן פון די אומות העולם, וואו די פּערזאָנען און האַנדלונגען ווערן ניט געמאַלט, נאָר געשמירט. נאָר ווי גראָב און אומגעלומפּערט זיי זיינען ניט געווען, האָבן זיי זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט צוויי זאַכן: ערשטנס, האָבן די פרעמדע פאַרסן אָנגענומען מער אָדער ווייניקער אַ יידישע פאָרם און מער אָדער ווייניקער איז אין זיי געשאַפן געוואָרן אַ יידישע אַטמאָספער, און צווייטנס, האָבן זיי געהאַט איינהייטלעכקייט און גאַנצקייט. . . . ער ווייזט ניט קיין זויערע מינע ווען ער מאַכט אַ משונהדיקע הלצה, אים קימערט גאָרנישט וואָס אַ סיטואַציע קומט אַרויס אומגעלומפּערט, אַבי עס איז נאָר לעבעדיק, און ער לאַכט אַליין און קוועלט דערפון און האָט שטאַרק הנאה. די מאַסע פילט, אַז דער שרייבער איז אין האַרצען און אין דער נשמה מיט איר און זי לאַכט און קוועלט אַזוי הערציק ווי דער שרייבער גופא. ניט דער תלמיד פון דער ראַבינערשול, ניט דער פּאָעט האָט אָנגעטאַפּט דעם דופק ביים פאָלק, דאָס איז געווען דער קונדס אין גאָלדפאַדען, וואָס האָט געפונען דעם וועג צום האַרצן פון פאָלק און געשטעלט אים אויף איין ברעטל מיט דער מאַסע.

„. . . דער פיינערער געשמאַק אין גאָלדפאַדענען האָט אים אונטערגעזאָגט ווי ווייט ער קאָן דערלויבן דעם קונדס צו טרעטן איבער דעם דאַזיקן געפערלעכן וועג און ער זאָל ניט אַריינפאַלן אין די גריבער פון וואולגאַריטעט און אומאַנשטענדיקייט. און דאָס האָט מעגלעך געמאַכט, אַז זיינער אַ פאָרם זאָל קענען אונטערהאַלטן ניט נאָר דעם פּראָסטן עולם נאָר אויך אַ צושויער מיט אַ בעסערן געשמאַק. גאָלדפאַדען האָט דעם קונדס קיינמאָל ניט פאַרטריבן ווייל ער איז געווען אַ טייל פון זיין „איך“, נאָר וואָס לענגער ער האָט געשריבן, האָט ער אים אַלץ מער קאָנטראָלירט, אַלץ מער אָפּגעשטופּט צום הינטערגרונד און אַלץ מער געמאַכט פּלאַץ פאַר דעם דיכטער. . . . ער האָט שוין איצט [נאָך די פּאָגראָמען] מער ניט געקאַנט לוסטיק מאַכן זיך איבער זיינע פאַנאַטישע ברידער און פון זיין מוזע האָבן זיך דערהערט נייע טענער. אין דער צייט האָט ער געשאַפן „בר כוכבא“. פאַר אַ קעמפער פון השכלה איז „בר כוכבא“ געווען אַ סוזשעט, אויף וועלכן ער האָט זיך גרינג געקאָנט אויסגליטשן. „בר כוכבא“ איז געווען אַ קעמפער און פאַרטרעטער פון דעם נייעם דור אין זיין צייט. זיין רעוואָלוציאָנערער גייסט האָט געדאַרפט געווינען די גאַנצע סימפּאַטיע פון אַ שרייבער, וועלכער האָט אַ ביטערן קאַמף מיטן אַלטן דור. פאַר די פּאָגראָמען וואָלטן די קעגנער פון בר כוכבא אַרויסגעקומען פון גאָלדפאַדענס פעדער ווי שוואַרצע טייוואָלים. נאָר איצט איז זיין בליק געוואָרן טיפער, זיין טאַלאַנט רייפער. דער טיכטיקסטער קעגנער פון בר כוכבא, דער פרעדיקער פון קושן דעם שונאס רוט איז געווען רבי אליעזר, און איצט ווערט ער געשילדערט גאָר אַנדערש. . . . וואָס ווייטער ווערט זיין טאַלאַנט מער צייטיק און מער אַנטוויקלט, און איר קאָנט הערן ווי ער זאָגט: „נו, קינדער, מיר האָבן שוין גענוג געשטיפט, עס איז איצט שוין צייט צו ווערן אַביסל לייטישער!“ נאָר די האַרמאָניע צווישן דעם אויטאָר, פּובליקום און שוישפּילער פּלאַצט ניט דערפון, וואָס די פּיעסען הויבן אָן צו אָטעמען מיט מער ערנסטקייט; דאָס פּובליקום און די אַקטיאָרן זיינען אויך אַרויס פון די וויקעלעך און אויסגעוואַקסן פון די ערשטע קונדס-שטיקער. די אַנטוויקלונג פון די דריי עלעמענטן איז ניט קיין געצוואונגענע, קיין אָנגעוואָרפענע, נאָר אַ גאַנץ נאַטירלעכע. נאָר ווי ערנסטער גאָלדפאַדען ווערט ניט, פאַרגעסט ער אויף איין סעקונדע ניט, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ בינע און ער ווענדעט אָן אַלע מיטלען וואָס די בינע פאַרמאָגט אויסצונעמען ביים פּובליקום. וואָס מען זאָל ניט שפּילן, מוזן אַריינקומען לידעלעך, פּזמונימלעך, שאַנסאָנעטן און ער איז דערביי ניט מקפיד צי די צייט און פּלאַץ ערלויבן אים עס צו טאָן. אין „שולמית“, למשל, שפּאַרט ער אַריין דאָס לידל „ראָזשינקעס און מאַנדלען“. דאָס לידל איז אַ שיינס, נאָר אין דער צייט ווען יידישע מיידלעך האָבן געטאַנצט אין די וויינגערטנער און גערופן צו די בחורים, אַז זיי זאָלן מיט זיי חתונה האָבן, האָט מען ניט געקאָנט זינגען וועגן ווערט-פּאַפּירן און קאַנטאָרן און אייזנבאַנען, פון וועלכע יידעלע וועט פאַרדינען אַ סך געלט. . . . [ענלעכעס] קאָן מען טרעפן כמעט אין יעדן ווערק, און די איינציקע אורזאַך פאַרוואָס מען האָט זיי אַהין אַריינגעקוועטשט, איז נאָר די, וואָס די לידעלעך געפעלן דעם עולם. . . . אַ גרויסן געוויכט האָט גאָלדפאַדען געלייגט אויף די דעקאָראַציעס און אויסשטאַטונג, און זיין רייכע פאַנטאַזיע אַרבעט שטאַרק ווי אַזוי צו פאַנגען דאָס אויג פון דעם צושויער, און ער לאָזט ניט דורך די מינדסטע געלעגנהייט צו מאַכן אַ בינע-עפעקט. . . . גאָלדפאַדענס שטיקער, סיי די ערגערע און סיי די בעסערע, סיי די ערשטע און די שפּעטערע, צייכנען זיך אויס דערמיט, וואָס די גאַנצע קראַפט ליגט אויפן אויטאָר. . . . די אַרבעט פון דעם שוישפּילער איז אַ טפל, די גאַנצע קראַפט ליגט אין דעם שטיק גופא. . . . דאָס שטיק נעמט אויס ביים

פובליקום מיט די ווערטער, ווערטלעך, סיטואַציאָנען, לידלעך, און אויב נאָר דער אַקטיאָר איז ניט אינגאַנצן אַ קאַליקע, וועט דאָס שטיק האָבן דערפאָלג. . . . מען דאַרף אויף אים קוקן ווי אויפן פאָטער פון דער יידישער בינע, גרינדער פון יידישן טעאַטער. עס איז אמת, אַז אָן גאָלדפאַדענען וואָלט אויך אַ יידישע בינע באַשאַפן געוואָרן, ווייל די פאָדערונג אויף אַזאַ אונטערהאַלטונג איז שוין געווען ביים פאָלק און די אונטערהאַלטונג גופא אין דער פאָרם פון גראָבע פאָרשטעלונגען איז שוין אויך געווען. נאָר עס איז קיין צווייפל ניט, אַז ווען ניט גאָלדפאַדען, וואָלט די יידישע בינע באַשאַפן געוואָרן אַ סך שפּעטער. גאָלדפאַדען האָט באַזעסן יענע קראַפט, וואָס האָט געמאַכט מעגלעך, אַז אַ טעאַטער זאָל קאָנען זיך האַלטן ביי יידן . . . "

צו ענלעכע אויספירונגען קומט אורי פינקעל אין זיין אַרבעט „סאָציאַלע פיגורן אין א. גאָלדפאַדענס ערשטע ווערק" אין מינסקער „צייטשריפט": „גאָלדפאַדנס ערשטע לידער-זאַמלונגען קאָנען מיט רעכט באַטראַכט ווערן ווי די צוגרייטונג צו זיין שפּעטערדיקן דראַמאַטישן שאַפן. אויב ער האָט שפּעטער אין זיינע פּיעסן גענומען אַריינשטעלען לידער פון אַ באַשטימטן כאַראַקטער, איז דערדאָזיקער כאַראַקטער אין אַ געוויסער מאָס שוין אויסגעאַרבעט געוואָרן אין זיין ערשטן ביכל לידער. און ניט נאָר די לידער, נאָר אייניקע געשטאַלטן פון גאָלדפאַדנס פּיעסן זיינען צום ערשטן מאָל אָנגעצייכנט אין זיינע לידער. עס וואָלט געווען גרינג צו באַווייזן ווי אין גאָלדפאַדנס ערשטע לידער ווערן שוין אָנגעמערקט פיל געשטאַלטן: פון האָצמאַכן, פון די כלי-קודש א. א. חוץ דעם איז נויטיק אָנצוווייזן אויף נאָך איין מאָמענט אין גאָלדפאַדנס לידער: אין דער אייגענער צייט וואָס גאָלדפאַדן האָט אין די לידער אַריינגענומען סוזשעטן, רעאַלע געשטאַלטן, האָט ער זיינע לידער צוגעגעבן אַ געזאַנג-כאַראַקטער. צו פיל לידער האָט ער אָנגעוויזן דעם געהעריקן מאָטיוו. אָט פון דעם געזאַנג-כאַראַקטער האָט זיך שפּעטער גענומען שפּינען דער אָפּערעטן-שטייגער אין גאָלדפאַדנס פּיעסן. דאָ איז ניט געווען אַן אַבסאָלוטע פאַרשקלאַפונג ביי אָפּענבאַך, ווי מען האָט גאָלדפאַדענען פאָרגעוואָרפן, דאָ איז געווען אַן אָרגאַנישע אַנטוויקלונג פון יענעם געזאַנג-שטייגער, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין גאָלדפאַדנס ערשטן ביכל. און אָט דאָס מוז מען געדענקען, צוגייענדיק צו גאָלדפאַדנס ערשטע פּיעסן. די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן באַשטימען אַ נייעם עטאַפּ אין גאָלדפאַדנס שאַפן. גאָלדפאַדן קערט זיך אָפּ פון די פיגורן פון זיינע ערשטע ווערק. גאָלדפאַדן גיט שוין דאַמאָלט נייע סעריעס דראַמעס און לידער, וואָס האָבן שוין די יידישע בורזשואַזיע ניט אויפגערייצט".

דר. מיכאל וייכערט שרייבט וועגן ג.'ס שאַפן: „גאָלדפאַדן איז געווען דער ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט געשריבן טעאַטער-טעקסטן, וועלכע זיינען געווען באַשטימט צו ווערן אויפגעפירט דורך פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן אויף אַ ריכטיקער בינע (פאַר אים האָט מען ביי אונז געשריבן דראַמעס, ניט האָבנדיק אין זינען אַ טעאַטער) און ער איז געווען אַ צייט דער איינציקער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דערדאָזיקער טעטיקייט. . . . ביי דער אַרבעט, מיט זיינע תלמידים, לערנענדיק מיט זיי און לערנענדיק פון זיי, האָט ער פּאַמעלעך און בהדרגה געבויט דעם ערשטן אַקטיאָרישן קאָלעקטיוו. . . . ניט אין אָנשרייבן די עטלעכע צענדליק טעקסטן צו ספּעקטאַקלען ליגט דער היסטאָרישער פאַרדינסט פון גאָלדפאַדענען און ניט בלויז פון דעם אָרגאַניזירן דעם ערשטן קאָלעקטיוו פון יידישע אַקטיאָרן. מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל קוקן מיר אויפן ערשטן, מיט טיפער אָנערקענונג און אמתער באַוואונדערונג אויפן צווייטן. אָבער דאָס גרעסטע, וואָס ער האָט אויפגעטאָן, איז געווען:

דאָס אויפוועקן דעם טעאַטראַלישן חוש, דעם עלעמענטאַרן כח, דעם דראַנג צו שפּיל און פרייד. אין דעם ליגט זיין באַדייט פאַרן יידישן טעאַטער".

י. דאָברושין אין זיין אָפּהאַנדלונג „גאָלדפאַדן דער דראַמאַטורג" כאַראַקטעריזירט אַזוי ג.'ס שאַפן: „. . . איז טאַקע דער תוך פון דער גאָלדפאַדן-דראַמאַטורגיע באַשטאַנען דערין, וואָס אַלע זיינע טעאַטער-שטיק זיינען געווען פאַרפאַסט צוליב, אַזוי צוזאָגן, דער אויסוויינווניקסטער שפּיל; זיי זיינען געווען געבויט ניט אויפן אינדיווידואַליזירטן איינדרוק, נאָר אויפן טיפּיזירטן אויסדרוק. ניט אויפן פּסיכאָלאָגישן גאַנג פון פּערזענלעך-מענטשלעכע איבערלעבונגען, נאָר אויף די סכעמאַטישע ליניעס פון דער מענטשלעכער טבע, אויף יענע פאַראַלגעמיינערטע נאַטור-שטריכן, וואָס שטאַמען פון אַן איינגעפונדעוועטן, אָפּגעזעצטן לעבן-אָדער-קולטור-שטייגער.

„. . . ניט געקוקט אויף גאָלדפאַדנס געוואָגטער, שאַרפער אָפּלייקענונג פונם דאַמאָלטיקן פרומאַקישן פאַנאַטיזם, בלייבט דאָך פאָרט די כסדרדיקע אַלגעמיינע טענדענץ פון גאָלדפאַדנס פּיעסן צו אידעאַליזירן דעם פריידענקערישן בירגער און קליינבירגער, וואָס האָט געהאַלטן אין וואַקסן אין יענער צייט, אידעאַליזירן און באַרעכטיקן אים סיי אַלס פרייען אויפגעקלערטן מענטשן און סיי אַלס טרייען זון פון דער נאַציאָנאַליסטישער, גאָטספאָרכטיקער טראַדיציע, ווארום צווישן אָט די ביידע סותרדיקע עלעמענטן פונם יידישן קליינבירגער האָט גאָלדפאַדן, ווי יעדער משכיל פון זיין צייט, געוואָלט שלום מאַכן.

„. . . אונזער פּאָזיטיווע באַציאונג צום גאָלדפאַדן-שאַפן איז ניט שייך [צו] בויען אויף דער גאָלדפאַדן-אידעע, אויף די עקר-טענדענצן פון דעם גאָלדפאַדענישן אינהאַלט. ביי אונז און פאַר אונז האָבן אַ ווערט בלויז די דראַמאַטורגישע עלעמענטן פון דער גאָלדפאַדן-שפּיל, אונז דאַרף אינטערעסירן גאָלדפאַדנס טעאַטער-לופט, ניט די טיפּן, נאָר דער געבוי פון די טיפּן, ניט די טעקסטן, נאָר די טעאַטראַלישקייט פון די טעקסטן.

„. . . אין דעם אופן ווי אַזוי גאָלדפאַדן האָט טעאַטראַליזירט און, זעלבסטפאַרשטעלעך, צוגעגרייט פאַר דער בינע זיינע טעקסטן, ליגט די קראַפט פון זייער דויער. דאָ ליגט דער כח פון דעם, וואָס זיי זיינען מסוגל לעבן אַ טעאַטער-לעבן אין פאַרשיידענע צייטן, ביי פאַרשיידענע געשמאַקן און פאָדערונגען.

„. . . גאָלדפאַדן האָט אַ סטיל, וואָס איז לאַקאָניש אפילו אין זיין באַרעדעוודיקייט, אַ סטיל, וואָס איז פאַרפאַסט פאַר טעאַטער, אַן אייגנאַרטיקער יידישער סטיל.

„. . . דער גאָלדפאַדן-יידיש, אָט אַזוי ווי ער האָט זיך, בפרט פון אָנהייב אָן, אַנטוויקלט אין „שמענדריק", איז אַ יאַדערדיקער, אַ פאָלקסטימלעכער יידיש. אָבער גאָלדפאַדן קעכלט ניט דעם לשון, ער ברויכט ניט שפּראַך צוליב שפּראַך, ווי אַלע זיינע ליטעראַריש-טעאַטראַלע פאַרגייער, ער שפּילט בלויז אָפּט אויפן טעאַטער-וואָרט, אויפן רגילות-ווערטל.

„. . . טעאַטראַלישקייט — פריער פאַר אַלץ — דאָס איז אין תוך געווען דער גאָלדפאַדן-דעוויז. צוליב דעם האָט ער אָפּט מקריב געווען מיט עלעמענטאַרער אָנשטענדיקייט, סיי אין שאַפן, סיי אין פאַרווירקלעכן זיינע פּיעסן, אַרויסגעוויזן אַזויפיל שוואַכקייטן, וואָס זיינען דערנאָכדעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שונד-סטיל. אָבער גאָלדפאַדן איז מיט אַלע מיטלען געגאַנגען דירעקט צום טעאַטער, מיט וויסן און ניט-וויסן גלייך געשפּייזט זיך און געווען איז ער איינער אַליין, און דעם ערשטן יידישן טעאַטער באַשאַפן . . . "

באַזונדערס ווערט אין דער לעצטער צייט אָפּגעשאַצט די טעאַטראַלישקייט פון גאָלדפאַדן. אַזוי שרייבט דר. יעקב שאַצקי: „אברהם גאָלדפאַדען איז געווען דער געניאַלער פּרימיטיוו פון יידישן טעאַט-

ראַלן אינסטינקט אין פולסטן זין פון וואָרט. . . . גאָלדפאַדען האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם גאַנצן אייראָפּעאישן טעאַטער פון זיין צייט: די בערלינער לוסט-שפּיל, די ווינער פאָלקס-דראַמע מיט די רייצנדע מוסר-השכּלס, די אוקראַאינער ראָמאַנטישע און מוזיקאַלישע מעלאָדראַמע, דער אונגאַרישער וואולגאַרער פאָלקס-וואָדעוויל — דאָס זיינען וועלטן, וואָס האָבן שטאַרק באַאיינפלוסט גאָלדפאַדענס טעאַטער-שאַפונג. . . . דער פּראָבלעם פון אָריגינאַליטעט איז אייגנטלעך מער אַ פּראָבלעם פון פּאַסיקן איינזאַפּן אין זיך די אַלע טעאַטער-עלעמענטן און איבערבויען זיי אין אַ ספּעציפישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. און אויב מען וועט אַנאַליזירן און אורטיילן גאָלדפאַדענען פון דעם שטאַנדפּונקט, וועט מען קומען צום באַשלוס, אַז דערדאָזיקער תּלמיד פון אַ ראַבינער-שולע, דער מחבר פון דידאַקטישע לידער אין לשון-קודש, איז אַזוי דורכגעדרונגען מיט דער טעאַטראַלער אידעע, אַז דער משכּיליזם ווערט אַ נעבן-זאַך, אַ מין צינזן-אָפּצאָל דער צייט, דער עפּאָכע. די מיטלען צו מוסרן און באַלערנען האָבן איבערגעוואַקסן דעם ציל אַזוי ווייט, אַז ווען דער מאָדערנער רעזשיסער באַפרייט דעם טעקסט פון די דידאַקטישע עלעמענטן, ליידט דאָס גאָלדפאַדענישע ווערק לחלוטין גאָרניט דערפון. . . . [עס] בלייבט אַ סך, זייער אַ סך, ווייל אין עצם פון גאָלדפאַדענס שאַפן ליגט דער שוישפּילערישער און קאָנסטרוקטיווער פּאַרנעם פון טעאַטער. גאָלדפאַדען האָט אונדז איבערגעלאָזט גוט געבויטע מאָדעלן פון פּיעסן, וועלכע מען קאָן אָנפילן מיט אַ נייעם אינהאַלט, אַז עס זאָל ניט שאַטן דער אייגנאַרטיקער קאָנסטרוקציע פון אָריגינאַל. . . . די גאַלעריע פון עכטע פאָלקס-טיפּן אין גאָלדפאַדענס גרויסן רעפּערטואַר זיינען דער אויסגאַנגס-פּונקט פאַר שעפערישע[ר] אינטואיציע פונם רעזשיסער און אַקטיאָר. די דאָזיקע מענטשן, וועלכע זיינען ניט קיין סימבאָלן, נאָר כאַראַקטער-טיפּן, זיינען אַזוי דורכגעדרונגען מיט פאָלקס-הומאָר, פאָלקס-סענטימענט און פאָלקס-וויץ, אַז זיי זיינען אַלע סימפּאַטישע פּערסאָנאַזשן, ווערן שנעל באַפריינדעט מיטן „פּובליקום", געווינען דעם צוטרוי פון צושויער. . . . די מאָדערנע יידישע בינע האָט אין גאָלדפאַדענס רעפּערטואַר אַ קוואַל פון שעפערישע[ר] מעגלעכקייט, אַן אוצר פון טעאַטראַלע איינפאַלן, אַ פעלד מיט ווייטע און ברייטע פּערספּעקטיוון."

דר. א. מוקדוני כאַראַקטעריזירט אַזוי ג: „איין מענטש, וואָס איז אַ גאַנצער טעאַטער, איז אברהם גאָלדפאַדען. ער איז אַן אַקטיאָר, אַ מוזיקער, אַ רעזשיסער, אַ דראַמאַטורג און אַ דירעקטאָר. . . . עס איז לחלוטין ניט ניכּר די פרעמדע ווירקונג, איר פילט ניט קיין פרעמדע שפּורן אין שאַפן, ער איז דורך און דורך אַזוי יידיש, אַזוי פאָלקסטימלעך, אין דער זעלבער צייט מאָדערן-טעאַטראַליש. זיין טעאַטער איז בשום אופן ניט קיין איבערזעצונג פון דעם פרעמדן טעאַטער. ער איז אַ טיף אָריגינעלער יידישער טעאַטער אין אַלע זיינע אויסערלעכע פאָרמען און אין זיין תּוך. . . . ער האָט באַהערשט אַלע פאָרמען פון דער טעאַטראַלער דיכטונג, פון דראַמע ביזן וואָדעוויל, און אַ קלאָרקייט, אַ בולטקייט ליגט אין די פאַרשיידענע פאָרמען פון זיין סצענישער דיכטונג. ניטאָ קיין צעשוואומענקייט, קיין אַריינברעכן זיך פון איין פאָרם אין דער אַנדערער."

יעקב מעסטעל שרייבט: „אויף דער יידישער בינע איז כּמעט דער איינציק „טראַדיציאָנעלער" פאַרבליבן אברהם גאָלדפאַדען. . . . דאָרט, וואו מ'האָט געשפּילט גאָלדפאַדענען „ווי עס שטייט געשריבן", דאָרט, וואו מען האָט געגעבן אַ גאָלדפאַדען-פאָרשטעלונג פּשוט דערפאַר, ווייל דער עולם האָט ליב צו זען אַ גאָלדפאַדען-פּיעסע — דאָרט איז גאָלדפאַדען פאַרבליבן ווי אַ תּורה מסיני, ווי דער נוסח פון אַ תּפילה, דאָרט איז די טויזנדסטע גאָלדפאַדען-פאָרשטעלונג אין בוענאָס-איירעס און יאָהאַניסבורג אין עצם תּמיד ענלעך געווען צו זיין ערשטער פאָרשטעלונג אין יאַסי אָדער אָדעס, — ווייל גאָלדפאַדען איז ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן אַ שטיק יידישע טעאַטער-טראַדיציע. . . . ווייניקער טראַדיציאָנעל זיינען שוין געבליבן די דעקאָראַציעס ביי די גאָלדפאַדען-פאָרשטעלונגען. און דאָס פּשוט דערפאַר, ווייל אין דעם פּרט איז אויך גאָלדפאַדען אַליין ניט געווען אויסגעהאַלטן. שפּילנדיק אונטער פאַרשיידענע אומשטענדן, האָט ער ביי דעמזעלביקן „עקדת יצחק" געלאָזן אין יאַסי אַראָפּשוועבן מלאכים פון הימל, און אַ צווייט מאָל, שפּילנדיק ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל אין אַ שטאָל, איז ער געווען צופרידן, ווען זיינע מלאכים האָבן געקאָנט זיך אַריינשפּאַרן אויף דער בינע דורך אַ ליילעך-שפּאַלט. דערפון נעמען זיך אויך די אָפטע דיפערענצן אין דער גאָלדפאַדען-„אויסשטאַטונג". אָבער דערפאַר טרעטן נאָך בולטער אַרויס די פעסטע, ניט אָנרירבאַרע טיפּן, וואָס די גאָלדפאַדען-שפּילער האָבן געשאַפן. אַ סך פון זיי זיינען שוין אפילו אַריבער אַלס משל אין פאָלקס-ווערטל. אין דער טעאַטער-וועלט דאַרף מען ניט איינעם אָנרופן „פאַרעטער" אָדער „שוואַכלינג" — עס איז גענוג ווען מען זאָגט אים, אַז ער איז אַ „פּאַפּוס" אָדער „ער גייט איבער צו די רוימער". מיט „זיין אַ העלד ווי בר-כּוכבא", אָדער אַ „ברײנדעלע קאָזאַק", אָדער אַ „שמענדריק" איז גענוג בולט באַצייכנט דער כאַראַקטער פון אַ מענטשן."

אברהם טייטעלבוים: „ווי אַלע עכטע גרויסע טעאַטער-פּיעסן, זיינען גאָלדפאַדענס קאָמעדיעס אַ זייער פיינע, מייסטערהאַפטע קאַנווע, וואָס גיט מעגלעכקייטן סיי דער אַקטיאָרישער שפּיל און סיי דער רעזשיסאָרישער אינוואַציע. זיי לאָזן פּלאַץ פאַר דער דערגענצונג און שאַפערישן איינפאַל פון יעדן אויפירער. זיי לאָזן זיך אַדאַפּטירן און צופּאַסן צו אַלע לאַגעס, צו אַלע סביבות און אומשטענדן. זיי לאָזן זיך צופּאַסן צו אַלע אופנים פון אויפירן און זיינען בויגזאַם פאַר אַלע מאָדערנע און מאָדערניזירטע ריכטונגען. מיט דעם זעלביקן עפעקט האָט מען געשפּילט גאָלדפאַדענס פּיעסן אויף די פּראָווינציעלע פאָרמאַלע בינעס, וואו די צופעליקע נאַאיוו-געמאָלענע דעקאָראַציעס זיינען בלויז געווען טעאַטראַלע הינטערגרונטן און האָבן גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיטן אינהאַלט פון די פּיעסן. וועגן רעקוויזיט אָדער מעבל האָט מען זיך ווייניק געזאָרגט, מען האָט גענוצט בלויז די זאַכן, וואָס זיינען אומבאַדינגט נויטיק געווען, ווי דאָס ווערט געטאָן אויף די פאָרמאַלע מאָליער-בינעס. די זעלביקע קינסטלערישע ווירקונג האָט זיין פּיעסע געהאַט ווען זי איז אין קאַמינסקיס טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ביי ספּעציעל געמאָלענע דעקאָראַציעס און עכט נאַטוראַליסטישער אויסשטאַטונג. . . . מיט נאָך אַ סך גרעסערן קינסטלערישן דערפאָלג נוצט גראַנאָווסקי אין זיין גאָלדפאַדען-אויפירונג זיינע קאָנסטרוקטיוויסטישע לייטערס. . . . ווייל וואָס פאַר אַ כּונה מען זאָל ניט אַריינלייגן אין דער אויסטייטשונג פון גאָלדפאַדענס פּיעסן, וואָס פאַרע קאַפּאַטעס מען זאָל ניט אָנטאָן זיינע העלדן, וועלכע אויסריכטונגען מען זאָל ניט געבן זיינע פּערסאָנאַזשן, וועט אַלץ ניט מעגלעך זיין צו פאַרשטיקן און פאַרטרייבן דעם הויפּט-עלעמענט, וואָס ליגט אין גרונד פון זיין גאַנצן געבוי און וואָס גיט זיי זייער אומשעצבאַרן ווערט — אַ חוץ זייער פּשוטקייט און פאָלקסטימלעכקייט — און דאָס איז: זייער טעאַטראַלישקייט. אָט יענע וויטאַלע, נערוועזע, צאַפּלדיקע און קיינמאָל ניט איינרוענדיקע קוואַליטעט, וואָס דריקט זיך אויס ניט אין אַן אינטערעסאַנטן ספּור-המעשה, ניט אין געפליגלטער פּראָזע, ניט אין קיין בליצנדיקע מעטאַפאָרן, נאָר אין דער אייגנאַרטיקער, אויף קיין אַנדער זאַך ניט ענלעכער, און מיט קיין אַנדער זאַך ניט פאַרבייטבאַרער טעאַט-

ראַלער דינאַמישקייט, טעאַטראַלער האַנדלונג. און גאָלדפאַדען איז פריער פון אַלץ געווען אַ טעאַטראַל. ס'איז גענוג אויפמערקזאַם דורכשטודירן די „רעמאַרקען" פון זיינע פּיעסען, די אָנווייזונגען פאַר די אַקטיאָרן אָדער דעם אויפירער, כדי צו זען, ווי העל און שאַרף ס'איז געווען זיין חוש פאַר דער טעאַטראַלער פאַנטאַסטיק און סצענישער באַוועגלעכקייט. . . . גאָלדפאַדען האָט ניט באַדאַרפט מען זאָל פאַר אים אַנטפּלעקן דעם מאָדערנעם סוד, אַז אַ פּיעסע ווערט מער געהערט מיט די אויגן ווי מיט די אויערן. פאַר אים, פּונקט ווי פאַר אַלע עכטע טעאַטער-קינסטלער איז עס געווען דער תוך און דער עיקר פון זיין גאַנצן שאַפן. . . . גאָלדפאַדענס שאַרפער חוש פאַר טעאַטראַלישקייט זעט זיך אויך גאַנץ קלאָר אין זיין שטאַרקער ליבע איבערצובייטן זיינע האַנדלונגס-ערטער, אַרומצוטרייבן זיינע העלדן איבער דער וועלט. . . . איך מיין, אַז ס'איז אפשר ניט געווען אַזויפיל דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו, וואָס האָט אים געפירט צוזאַמענצוברייינגען אַלע זיינע העלדן אין ארץ-ישראל [אין „משיחס צייטן"] ווי דער שטאַרקער פאַרלאַנג פאַר דער טעאַטראַלער עפעקטקייט, וואָס אַזאַ סיטואַציע גיט אים."

וועגן ג. אַלס מוזיקער שרייבט יאָזעף רומשינסקי: „גאָלדפאַדען אַליין איז ניט געווען קיין מוזיקער, אָבער ער האָט געהאַט אַ מוזיקאַלישן אויער. אַלס פּאָעט און הייסער ייד, האָט ער זייער שטאַרק געפילט דעם ריטם אין די יידישע מעלאָדיעס. גלייך פון אָנפאַנג אָן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז יידישע פּיעסן דאַרפן גיין מיט מוזיק. גאָלדפאַדען איז דאַן געווען אין זיד-רוסלאַנד, וואו עס האָבן עקסיסטירט די „מאַלאָ רוסישע" (קליין רוסישע) טרופּעס, וועלכע פלעגן אויפירן לעבנס-בילדער מיט געזאַנג. אָט די אויפירונגען זיינען געווען זייער ערפאָלגרייך. גאָלדפאַדען איז געווען באַפריינדעט מיט דעם דאַמאָלטיקן קליין-רוסישן פּאַרפאַסער און דירעקטאָר קראָפּיוואַניצקי, וועלכער האָט געהאַט אויף אים אַ שטאַרקן איינפלוס, און ער האָט באַשלאָסן צו גיין אין יענעמס וועגן, דאָס הייסט, אויפירן יידישע פּיעסען מיט מוזיק. . . . ער פלעגט נעמען משוררים, וואָס האָבן געזונגען ביי אַ חזן און זיי בעטן, אַז זיי זאָלן ברייינגען אַ בוך מיט חזנישע נאָטען, אַ „גרויסן בוך". דער משורר פלעגט זינגען פון די נאָטען, ביז וואַנען אים, גאָלדפאַדענען, איז עפּעס געפעלן, און ער פלעגט עס נעמען פאַר זיינער אַ פּיעסע. . . . די ערשטע פּעריאָדע איז באַשטאַנען 90 פּראָצענט פון חזנישע מוזיק. די ערשטע פראַגע וואָס גאָלדפאַדען פלעגט פרעגן אַן אַקטיאָר איז געווען: צי ער קאָן זינגען, צי ער האָט אַ שטימע, צי ער קען נאָטען?"

ג. אַליין שרייבט וועגן דעם אין יידיש-דייטשן זשורנאַל „די וועלט" [אונזער איבערזעצונג פון דייטש]: „קודם כל בין איך זיך מודה ומתודה: דער מחבר פון דער מוזיק פון „שולמית" און אַ סך אַנדערע יידישע זינג-שפּילן, דער שרייבער פון די שורות, האָט ניט קיין שום טעאָרעטישע ידיעות אין מוזיק, און קען אפילו ניט לייענען קיין נאָטען. כאָטש איך האָב ביי די קאָמפּאָזיציעס פון מיינע שטיק שטענדיק אַכטונג געגעבן דערויף, אַז די מוזיק זאָל זיך צוזאַמענשטעלן פון פאָלגנדיקע עלעמענטן: 1) אָנהייב און שלום כאָרן, 2) מאַרשן, 3) טענץ, 4) אַריעס, 5) דועטן, 6) טערצעטן, 7) באַלאַדעס, 8) לידער, 9) שאַנסאָנעטס, — פונדעסטוועגן האַלט איך, אַז ס'איז ניט ריכטיק וואָס מ'האָט מיינע געזאַנג-שפּילן אָנגערופן „אָפּערע". ווארום כדי צו פאַרדינען דעם נאָמען „אָפּערע", וואָלטן זיי געדאַרפט זיין אַ מוזיקאַלישע איינהייט, אַן אָרגאַנישע גאַנצקייט, און דאָס איז אָבער ניט אַזוי, ווייל איך האָב טייל נומערן אַליין געשאַפן און טייל געבאָרגט ביי אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרן. איך קאָן מיט אַ רואיק געוויסן זאָגן „געבאָרגט", ווארום טיילמאָל האָט מיר אַ חזן בהכשר הכשרות געבאָרגט פאַר מיין בינע

דעם אָדער יענעם נומער פון זיין שול-רעפּערטואַר, אַזוי, אַז אָפט איז אַ מעלאָדיע געזונגען געוואָרן אין דער שול און אין דער זעלבער צייט און אין דער זעלבער שטאָט איז די מעלאָדיע „געטאַנצט" געוואָרן אויף מיין בינע, פאַרשטייט זיך, מיט מאָדולאַציעס.

„מ'מעג טאַקע זאָגן, אַז איך בין מער קאָמפּילאַטאָר ווי קאָמפּאָזיטאָר. איך מיין אָבער, אַז אויך דאָס קאָמפּילירן איז אַ ק ו נ ס ט. איך פיר מיך דערביי אַזוי: איך באָרג מיר — ווי שוין אויבן באַמערקט — פון אַ חזן עטלעכע שיינע טענער פון זיינער אַ „קדושה", פון אַן אַנדערן — זיינעם אַ „מן המצר", פון אַ דריטן — עטלעכע אַקאָרדן פון זיינעם אַ „ויהי רצון" א. א. וו., און די-דאָזיקע מעלאָדישע שטיקלעך פון די פאַרשיידנסטע טאָן-אַרטן שמעלץ איך צוזאַמען, מיט דער הילף פון מיין דיריגענט, אין שמעלץ-טאָפּ פון געשמאַק און האַרמאָניע, אַזוי, אַז ס'קומט אַרויס אַ פולשטענדיק נייער, קונסט-אויסגעהאַלטענער דועט א. ד. ג.

„איך מאַך ניט קיין סוד: אין די ערשטע יאָרן פון מיין גרינדן דאָס יידישע טעאַטער האָב איך מיר דאָ און דאָרט דערלויבט צו מאַכן קליינע הלוואות, וועגן וועלכע איך האָב גאָרניט געמאָלדן מיינע קרעדיטאָרן. איך האָב ביי אַ געלעגנהייט אַריינגעשמוגלט אין מיינע שטיק לייכטע מעלאָדיעס פון אָפענבאַך, ל'קאָק, ווערדי, מייערבער, אפילו פון וואַגנערן. כדי זיך צו אַנטשולדיקן, קאָן איך אַ חוץ היינעס ווערטל: „אין דער קונסט איז ניטאָ קיין זעקסט געבאָט", אויך זיך שטיצן אויף דעם אומשטאַנד, אַז איך האָב מיינע געצוואונגענע הלוואות ניט געמאַכט צוליב אייגננוץ אָדער דעם חשק צו פאַרדינען. וואָס פאַראַ נוצן האָט אַן אָרעמער קאָמפּאָניסט פון מיין שטייגער געקאָנט ציען פון „פּלאַגיאַטן" אין גרעסערן סטיל? — נאָר איך האָב עס געטאָן אויסשליסלעך, ווייל איך האָב געשטרעבט אויפצוהייבן אויף אַזאַ אופן דעם מוזיקאַלישן געשמאַק פון די ברייטע שיכטן פון מיין פאָלק.

„צום באַדויערן האָט אויך דאָס דרייסטע מיטל ניט געטראָפן אין ציל. דער געשמאַק פון די אונטערשטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אַזוי פאַרדאָרבן, אַז זיי האָבן פשוט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די אייראָפּעאישע מוזיק. זייער אויער איז כלל ניט געווען פעאיק אויפצונעמען אַנדערע מעלאָדיעס, ווי די, וועלכע ווערן געזונגען אין דער שול און אין קלויז. איך האָב זיך געמוזט אָפּזאָגן פון די צוועקלאָזע פּרובן און זיך נעמען אויף אַן אַנדערן וועג. איך האָב זיך דעריבער באַגרעניצט אויף אָפּצוהיטן אַן אייגנאַרטיקע יידישע פאָלקס-מוזיק, וואָס איר כאַראַקטעריזאַציע איז אַ געוויסער פריגישער טאָן-אַרט, און דער דאָזיקער וועג מיינער איז געקרוינט געוואָרן מיט אַ גרויסן דערפאָלג.

„. . . עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ פּובליקום, אַ פּובליקום, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנץ פּרימיטיוון זין פאַר קונסט און אַ נישט אַנטוויקלטן מוזיקאַלישן געשמאַק, האָט מען געמוזט געבן די אמתע „לייכטע" מוזיק. כאָרן, אַריעס, דועטן א. א. וו. האָב איך אַריינגעשטעלט בלויז צוליב בינע-עפעקט; פאַר מיין עולם האָט דאָס נישט געהאַט קיין שום רייץ. עס האָט אים נאָר „אָנגעברומט אין קאָפּ", ווי איינער פון מיינע אומצופרידענע טעאַטער-באַזוכער האָט זיך אויסגעדריקט. דאַגעגן האָט דאָס דאָזיקע אייגנטימלעכע טעאַטער-פּובליקום אַרויסגעוויזן אַ פאָרליבע צו סענטימענטאַלע פאָלקס-לידער און קאָמישע שאַנסאָנעטס. זיי האָבן דאָס איינגעשלונגען מיט גרויס חשק און פלעגן עס שטענדיק נאָכזינגען ביי זיך אין דער היים, בעת דער אַרבעט אָדער אין אַ יום-טוב. איך וועל בלויז דערמאָנען דאָס ליד „ראָזשינקעס און מאַנדלען" פון „שולמית", דאָס „פּאַסטוך-ליד" פון „בר כוכבא", „יאַנקעלע גייט אין שול אַריין" פון „אחשורוש" און „גיי, גיי" פון „אַלמאַסאַדאַ".

„. . . איצט עפּעס וועגן אַרט פון מיין שאַפן: איך זינג אָפּ אָדער כ׳שפּיל אויף דער פּיאַנאָ די מעלאָדיע, וועלכע כ׳האָב פאַרפאַסט און אַ מוזיקאַליש-געבילדעטער מיטאַרבעטער מיינער קאָפּירט דאָס אויף נאָטען. מיין מיטאַרבעטער נעמט דערנאָך אַהיים די פּאַרטיטור און מאַכט דערפון אַן אָרקעסטראַציע. פריער אָבער, כאָטש איך פאַרשטיי מיך ניט אויף קאָנטראַפּונקט, גיב איך אים גענויע אָנווייזונגען בנוגע דער אינסטרומענטאַציע. איך הייס אים, צום ביישפּיל, אַז אַ געוויסע מעלאָדיע זאָל נאָר ש ט י ל געשפּילט ווערן פון שטרייך-אינסטרומענטן מיט אַ לייכטן אַקאָמפּאַנימענט פון פליוטן, זי טאָר אָבער בשום אופן ניט באַגלייט ווערן פון שווערע בלאָז אָדער שלאָג-אינסטרומענטן. אָדער איך מאַך אים אויפמערקזאַם, אַז אַ געוויסער נומער טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ שלאָף-ליד, אַן אַנדער ליד דאַרף בילדן אַ פּאַסטוך-ליד, צוליב וואָס עס דאַרף נאָר די פליוט שפּילן סאָלאָ, א. ד. ג. ביי עכט פריגישע מאָטיוון פאַרטראָג איך איבערהויפּט ניט קיין אינסטרומענטאַציע, נאָר כ׳לאָז דעם באַטרעפנדן נומער שפּילן אוניסאָנאָ. אין אַזאַ פאַל מוזן מיינע קאַפּעלמייסטערס שטענדיק מיך פאָלגן און קענען זייער ווילן לאָזן זיי מיר פריי די מעלאָדישע פּרימאַ.

„. . . ווען איך האָב אין מיין יוגנט „געשריבן לידלעך“, האָב איך אויך פאַר מיין מוזע גענומען די רעליגיעזע מאָטיוון; ווארום מיינע לידער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ רעליגיעז-נאַציאָנאַלער טענדענץ פון טעקסט און מיט דער „יידישלעכקייט“ פון די מעלאָדיעס. שוין דאַמאָלט האָב איך געשאַפן טעקסט און מוזיק צוזאַמען. דעריבער זיינען אויך אין מיינע טעאַטער-שטיק די ל י ד ע ר דער הערשנדער עלעמענט. אָן זיי איז גאָרניט מעגלעך אַ יידיש בינע-שטיק.“

אָבער גאָלדפאַדען „האָט צומאָל אפילו פון זיך זעלבסט אַביסל אָפּגעשעפּט, — באַמערקט דר. יהושע טהאָן אין „היינט“ — אַזוי האָט ער מיר אַמאָל דערציילט ווי ס׳האָט אים געטראָפן אַ געוועזענער קאָלעגע פון דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול, וועלכער האָט זיך אַביסל צוגעשמדט און איז געוואָרן דער דיריזשאָר פון דער קייזערלעכער אָפּערע אין פּעטערבורג. אָט דער דאָזיקער חבר האָט צו אים געזאָגט: — הערסטו, אברהם, וואָס דיינע פּיעסן זיינען ווערט, ווייס איך נישט, נאָר פון דער מוזיק קאָן מען באמת ווערן אַ בעל-מום . . . “

ש. ל. ציטראָן דערציילט: „גאָלדפאַדען האָט באַזעסן זייער אַן אנגענעמע שטים. יינגלווייז פלעגט ער אַמאָל אונטערהעלפן ביים עמוד דעם חזן פון זיין געבורטס-שטאָט אַלט-קאָנסטאַנטינאָוו. . . . אין די זומער-חדשים, בעת אין ראַבינער-שול פלעגן ניט פאָרקומען קיין למודים, פלעגט גאָלדפאַדען אַרומפאָרן איבער די וואָלינער שטעטלעך אום אויפצוזאַמלען פאַרשיידענע ניגונים און אויסנוצען זיי נאָכדעם פאַר זיינע לידער. גאָטלאָבער, וועלכער פלעגט צייטנווייז אויך פאַרפאַסן יידישע לידער מיט אייגענער מוזיק, האָט געהאָלפן גאָלדפאַדענען צו באַאַרבעטן און איבערצואַנדערשן די צונויפגעקליבענע נגונים און כל-ערליי וואַריאַציעס. . . . צוגלייך מיט דעם [אָנהייבן שרייבן „שולמית“] האָט זיך ביי אים דערוועקט דער געדאַנק צו אַראַנזשירן דאָס שטיק אין מוזיק אין דער פאָרם פון אַן אָפּערע. אָבער אַ ווערק פון היסטאָרישן מזרח-לעבן קאָן ניט אַנגעקליידט ווערן אין חזנישע נגונים און פאָלקס-לידלעך; דערצו דאַרף אָנגעווענדעט ווערן אָריענטאַלישע, אָדער, לכל הפחות, אָריענטאַליש-ענלעכע מוזיק. ווייסנדיק, אַז קיין אָדעס קומען אָפּט מאָל טערקישע און גריכישע שטעט-אַרומשלעפּנדיקע זינגער און מוזיקאַנטן, וועלכע באַזוכן די ווינקעלערס און די איבריקע וואָלוועלע פאַרוויילונגס-ערטער פון די אונטערשטע פאָלקס-שיכטן, פלעגט גאָלדפאַדען גאַנץ אָפּט אַהינקומען, אום צו פאַרשרייבן און פאַרנאָ-

טירן זייערע געזאַנגען. אָבער די אַלטע [אַלע] מאָטיוון, וואָס ער האָט דאַמאָלט צונויפגעקליבן, זיינען נאָך אים געווען גאַנץ ווייניק. . . . באַזוכנדיק [שפּעטער] אין די רומענישע שטעט די פאַרשיידענע קאַפע-הייזער און טראַקטירן, האָט ער דאָרט אָפּגעשריבן גאַנצע אוצרות מיט מאָטיוון פון די אַלערליי באַלקאַנישע פעלקער און פון די מזרח-איינוואוינער בכלל. צווישן די געזאַנגען זיינען געווען פיל יידיש-שפּאַניאָלישע און פאַרצייטיקע ארץ-ישראלדיקע“.

יעקב מעסטעל, וועלכער האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אויפן באַלקאַן, גיט איבער, אַז אָפט, הערנדיק זינגען די מאָנטאָנעגרישע און אַלבאַנעזישע פאָלקס-לידער, האָט אים געקלונגען אין אויער דער גאַנצער גאָלדפאַדען-רעפּערטואַר.

אויספירלעך באַהאַנדלט א. ז. אידעלזאָן אין זיין בוך „די אַנטשטייאונג פון דער יידישער מוזיק“ די 25 מוזיק-נומערן פון „שולמית“ (אַראַנזשירט פאַר פּיאַנאָ דורך ה. א. רוסאטא, אַרויסגעגעבן פון דער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני“, ניו יאָרק):

„נומער 1: „דער מאַרש קיין ירושלים“ — [אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס“] — איז גענומען פון נאָמבערגס „זמירת ישראל“ ז. 79 (לך ד׳ הגדולה).

נומער 2 [„קומט זשע גיכער אין איינעם זיך בענטשן“] — איז טיילווייז פון נאָמבערגס „מי הוא זה מלך“, דאָרט, ז. 196.

נומער 3 [„יברכך“] — איז דער „מגן אבות“-שטייגער מיטן סוף-מאָטיוו פון טראַדיציאָנעלן טאָן פון „לדוד ברוך“, אין דער צייט וואָס דער מאָטיוו, וועלכן גאָלדפאַדען האָט באַנוצט פאַרן וואָרט „דרכך“ אין דאָזיקן געזאַנג, איז ענלעך צו אַ תימנער פאָלקס-מאָטיוו.

נומער 6 [„אַך, וואָס זע איך דאָרט“] — איז אַ טיפּישע איטאַליענישע אַריע.

נומער 6 [„ראָזשינקעס און מאַנדלען“ אָדער „אין בית-המקדש“] — איז אַ יידישער פאָלקס-טאָן און איז געוואָרן זייער פּאָפּולער אין גאָלדפאַדענס ווערטער און ניגון.

נומער 8 [„איך דאַנק דיר, גאָט“] דאָסזעלבע, זעט אויס צו זיין גענומען פון אַן איטאַליענישן קוואַל.

נומערן 9-10 [„יאָ וואו נעמט מען די עדות“ אָדער „אָט דער ברונעם“ און „דאָס וועט אָבער קיינמאָל ביי אונז ניט געשען“] — זיינען שטאַרק אַדאַפּטירט פון שעסטאָפּאָלס ניגון אויף תהלים קי״ד (אדוני זכרני), וועלכער האָט צו דעם צוועק אַדאַפּטירט די אַריע נומער 6 פון ווערדיס „טראַוויאַטאַ“ (די אַריע פון וויאָלעט).

נומער 11 [„פּאַסטוכער-כאָר“] — איז אויך פון אַן איטאַליענישן קוואַל.

נומער 12 — אַ „באַלעט“, איז אַן אימיטאַציע פון אַ „מאַזורקע“.

נומער 13 [„לויף צו מיר, דו שיינער בחור“] — איז אוקראַאיניש.

נומער 14 [„קום זשע, קום זשע, בחור שיינער“] — איז אַ חסידישער טאַנץ אין שטייגער פון „אדוני מלך“.

נומער 15 [„דו ביזט מיין כלה“] — איז חסידיש אין ציגיינערשטייגער. ס׳איז געוואָרן זייער פּאָפּולער.

נומער 16 [„שבת, יום-טוב און ראש חודש“] — איז צו דערקענען אַן אימיטאַציע פון אליעזרס באַרימטער אַריע אין „די יידין“, אָנהייבנדיק פון „רחל, ווען גאָט“.

נומער 17 [„איך הייס יואב גדעוני“] — איז אַן אוקראַאינישער טאָן.

נומער 18-19 [„אין אַזאַ שעה לייג איך דאָס דאָ“ און „דאָרטן אין דער וויסטע ווייט“] — זיינען אַ קאָמפּילאַציע פון דייטשע און אוקראַאינישע מאָטיוון.

נומער 20 [„שרייט זשע ווייבער מיט מיר אין איינעם“] — איז אַ טיפּישער טערקישער „העדזשאס“-טאָן.

נומערן 21-22 [„פלאַקער פייערל, פלאַקער“ און „ליגט זשע צו האָליץ“] — זיינען אַ פּאָפּולערער יידישער פאָלקס-טאָן מיט אַן אַנדערן נוסח.

נומער 23 [„גאָט, זע אַליין, גאָט“] — איז אַ חסידישער טאָן פון טיפּ „דבקות“.

נומער 24 [„פון די צווייגן די פידעלעך“] איז דער אוקראַאינישער דאָריאַן-שטייגער.

נומער 25 [„גיט אַ שבח“ אָדער „אין בית המקדש“] — איז אַ רוסישער מאַרש אָדער אַ מין אימיטאַציע.

און די 17 מוזיק-נומערן פון „בר כוכבא“ (אַראַנזשירט פון א. גאַרפינקעל, אַרויסגעגעבן פון ד. מאַזין קאָמפּ., לאָנדאָן):

„נומער 1 — איז אַ חסידישע דבקות-מעלאָדיע מיט אַ חזניש דריידל.

נומער 2 — איז אַ זייער באַקאַנטער פאָלקס-ניגון.

נומער 3 — איז אַ דועט און אַ סאָלאָ, אַדאַפּטירט פון פראַנצויזישע אָדער איטאַליענישע קוואַלן.

נומערן 4-5 — זיינען באַזירט אויף דיזעלבע יסודות.

נומער 6 — איז אַ פּרעכטיקער מאַרש, באַווייזט אוקראַאינישן איינפלוס.

נומערן 9-10 — זיינען אַ מיש-מאַש פון חזנישע מאָטיוון פון שעסטאָפּאָל און אַנדערע.

נומער 11 — הייבט זיך אָן אין באַקאַנטן דייטשן מאַרש-סטיל און פאַרענדיקט זיך מיטן העדזשאַס-שטייגער.

נומערן 12-13 — זיינען אַ געמישטער אוקראַאינישער שטייגער און זיינען זייער פּאָפּולער.

נומער 14 — איז אַ „בראַוואורא-אַריע“ אין איטאַליענישן סטיל.

נומער 15 — איז אין סטיל פון אַ יידישן פאָלקס-ניגון און איז זייער באַליבט ביים עולם.

נומער 17 — איז אַ חסידישער טאָן.“

א. ז. אידעלזאָן גיט צו: „הגם דורך די צוויי אַנאַליזירטע אָפּערעטן קאָן גאָלדפאַדען ניט גערעכנט ווערן אַלס אַן אָריגינעלער שאַפער פון מוזיק, פונדעסטוועגן האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך דראַמאַטישע טעכניק און מוזיקאַלישן געשמאַק אין זיין צופּאַסן חנודיקע נגונים, וואָס קאָנען אַפּעלירן צו די יידישע מאַסן. די נגונים זיינען פיין צוגעקליבן, אויך בנוגע דעם דראַמאַטישן עפעקט וועלכן זיי דאַרפן איבערלאָזן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער אַקאָמפּאַנימענט איז זייער אַ פּרימיטיווער און ס'געפינט זיך ניט אין זיי קיין מוזיקאַלישער סטיל, אַ חוץ דאָס, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ פּאָטפּורי. אויפן פּובליקום, וואָס זיין געשמאַק איז מער אַנטוויקלט, מאַכן גאָלדפאַדעןס אָפּערעטן קיין איינדרוק, אָבער צוריק מיט 50 יאָר זיינען זיינע אָפּערעטן געווען אַ אַנטפּלעקונג אין מזרח-אייראָפּע און האָבן אַרויסגערופן אַ פוראָר אין אַלע יידישע ישובים אין רוסלאַנד.“

נאָך דער אויפירונג פון „שולמית“ אויף אונגאַריש אַלס אָפּערע שרייבט דר. פעליקס אַדלער אין דעם יידיש-דייטשן זשורנאַל „די וועלט“ (30, 1899): „מ'קאָן רואיק זאָגן, אַז אין דער גאַנצער ביז איצטיקער אָפּערען-ליטעראַטור איז עפּעס ענלעכעס ביז היינט נאָך ניט געווען. ניט ווילנדיק מוז מען זיך דערמאָנען אין יענע אַלטע טעמפּל-געזאַנגען ווי מען קאָן עס נאָך ביז היינט הערן אין קליינע פרומע שולן. דאָס וועזן פון דערדאָזיקער מוזיק ליגט אין דער גאַנץ אייגנאַרטיקער ריטמיק און האַרמאָניע און אויך אין דער מעלאָדיק, וועלכע ווירקט פולשטענדיק פרעמד אויף אַן אויער, וואָס איז געוואוינט צו דער מאָדערנער מוזיק. קוים אָבער האָט מען זיך צוגעוואוינט צו דעם עקזאָטישן, געפינט מען אויס, אַז דידאָזיקע אַלטע יידישע געזאַנגען האָבן אַ מערקווירדיקע קראַפט, זייער טאַנץ באַזיצט אַ ווייכע און אַ מילדע גראַציע. דאָס ליד און דער טאַנץ בייטן זיך איינס נאָכן אַנדערן, דאָ און דאָרט זיינען אויך פאַראַן דועטן און קוואַרטעטן, אַפילו נאַטירלעך אַרויסגעוואַקסענע אַנסאַמבלען. לײַדער איז ניט פאַראַן קיין קלאַוויר-אויסצוג, דורך וועלכן מ'זאָל קאָנען, ביי אַ שפּעטערדיקן שטודיום, פיקסירן דעם איינדרוק, וועלכן מ'האָט באַקומען אין מאָמענט פון דער אויפירונג. מ'קאָן דעריבער זיך ניט געניוי אָפּשטעלן אויף דער מוזיק. אַ סך זאַכן וואָלטן אודאי דאַן באַקומען אַן אַנדער פּנים ווי בעת דער ערשטער אויפירונג. אויפפאַלנד איז די אויסערגעוויינלעכע עשירות פון דער מוזיק. יעדער נומער ברענגט נייעס און אָריגינעלעס, אַזוי, אַז ס'ווערט ניט מאָנאָטאָן און ס'באַקומט זיך ניט קיין לאָקאַלער קאָלאָריט און דערפאַר פאַרלירט מען ניט דעם אינטערעס צו דער זאַך. אָבער ניט נאָר אין דעם ריין מעלאָדישן און ניט נאָר אין דעם עקזאָטישן ריטם געפינט זיך דער רייץ פון דערדאָזיקער מוזיק. זי באַזיצט אויך אַ געוויסע דראַמאַטישע אויסדרוקס-פעאיקייט, וועלכע שטייגט לויט די פאָדערונגען, לויט דער סיטואַציע. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ פולשטענדיק נאַאיווע מוזיק איז אָנגעוויזן אויפן טעקסט און ליידט דאָרט, וואו דער ליברעטיסט האָט פאַרנאַכלעסיקט דעם קאָמפּאָניסט. אַזוי ווי דאָס פּאַסירט אָפט ביים ה' גאָלדפאַדען, איז די מוזיק ניט אומעטום פון זעלבן ווערט און שטייט ניט אומעטום אויף דער הויך. ביי אַלע דראַמאַטישע שטייגערונגען איז איר הויפּט שטאַרקייט באַשטאַנען אין לירישן און קודם כל אין נאַציאָנאַלן עלעמענט. נאַציאָנאַל איז די מוזיק אין זעלבן זין ווי סמעטאַנאַס „די פאַרקויפטע כלה“. ביידע זיינען גענומען פון אורקוואַל פון פאָלק.“ [אונזער איבערזעצונג.]

מ. קויפמאַן, אַ יידיש-דייטשער פאָרשער פון יידישער פאָלקס-מוזיק, באַמערקט: „אַזוי ווי גאָלדפאַדען האָט גלייכצייטיק געשאַפן טעקסט און מוזיק, איז אַרויסגעוואַקסן אַן ענגע גאַנצקייט, אַן איינהייט, פון וועלכער סיי דער טעקסט אָדער די מוזיק אַליין איז ניט געווען בכח אַזוי אַרויסצוברענגען די אַלגעמיינע ווירקונג, אַזוי ווי ביידע האָבן עס גלייכצייטיק געקאָנט טאָן אַלס ניט צעטיילבאַר“.

יוסף טשערניאַווסקי שרייבט אין ניו-יאָרקער „טעאַטער און קונסט“: „אברהם גאָלדפאַדען האָט צוגעזונגען, איינער האָט עס פאַרשריבן און נאָך איינער האָט געמאַכט עפּעס אַ שלים מזלדיקע אָרקעסטראָווקע פאַר 6-7 אינסטרומענטן מיט אַ [דער] פּרימיטיווסטער האַרמאָניזירונג, פון יידישע חתונות גענומען. . . . איינהערנדיק זיך צום הונדערטסטן מאָל צו די מאָטיוון פון „שולמית“, „בר כוכבא“, „מכשפה“, „קוני לעמעל“ און צו פאַרשיידענע לידלעך פון אַנדערע אָפּערעטן, אין וועלכע עס הערן זיך קלאַנגען פון אוקראַאינישן ליד, פון שול-חזנות, אָפטמאָל אויך פון דער פּסעוודאָ-פאָלקסליד, שטעל איך פעסט, אַז אין גאָלדפאַדען האָבן מיר פאַרלוירן אונזער אָפענבאַך, וועלכער וואָלט אויפגעטאָן פאַר דער יידישער אָפּערעטע דאָס, וואָס דער ייד זשאַן אָפענבאַך האָט אויפגעטאָן פאַר דער וועלט-אָפּערעטע. די טראַגישע לאַגע פון גאָלדפאַדען איז באַשטאַנען ניט אין דעם, וואָס עס האָבן אים געיאָגט פון שטאָט צו שטאָט הן די רוסישע רעגירונג און הן די יידישע באַפעלקערונג, נאָר אין דעם, וואָס ניט האָבנדיק קיין מוזיקאַלישע בילדונג, האָט ער געשאַפן מוזיק. ווען גאָלדפאַדען וואָלט, אין דער תקופה פון זיין וואַנדערן, אָפּריכטן גלות און שאַפונגס-אַנטוויקלונג, אויסגעשטודירט אַ וועלכן עס איז „קלאַוויר“ פון די אומשטערבלעכע קלאַסיקער פון דער וועלט-אָפּערעטע און וואָלט אונטער דער דאָזיקער השפּעה געשאַפן אין יידישן

ס ט י ל — וואָלטן זיינע ווערק געבליבן פאַר אונז לעולם ועד, אַלס מוזיקאַלישער טיש-בוך, אַלס קלאַסישער מוסטער".

ג.'ס בריוו קאָנען דינען אַלס וויכטיקער אָנהאַלטפּונקט פאַרן פאָר־זיכטיקן גאָלדפאַדען-פאָרשער, אָבער ביז איצט איז נאָר אַ טייל פון זיי פאַרעפנטלעכט, ווי: 4 בריוו צו שלום-עליכם, פאַר דער צייט פון 1889-90 [אָפּגעדרוקט אין ניו-יאָרקער „גאָלדפאַדען-בוך"], 7 בריוו צו יעקב דינעזאָן פאַר דער צייט פון 1890-1903 [אָפּגעדרוקט אין „די יידישע וועלט", וואַרשע, 4, 1928], צו איינצלנע בריוו: צו משה פינקעל פון 4 אָקטאָבער 1876 [אָפּגעדרוקט „אַרכיוו", ווילנע, זז. 255-6], צו שרהסאָן [געדרוקט אין „יודישע גאַזעטען", 11 דעצעמבער, 1903; „די יידישע וועלט", וואַרשע, 4, 1928, ז. 126], צו זיין פרוי אין פּאַריז פון 1901 [אָפּגעדרוקט אין „אַרכיוו", ז. 257 און דערמאָנט אין פּערקאָף'ס „אברהם גאָלדפאַדען", ז. 8], צו פּראָפ. זעליקאָוויטש, פון 1901, [אָפּגעדרוקט אין „אַרכיוו", ז. 259], צום „פאָרווערטס", פון דער זעלבער צייט [אָפּגעדרוקט אין „אַרכיוו", ז. 260], אַ בריוו וועגן אַ געשפּרעך מיט מאַקס נאָרדוי [אָפּגעדרוקט אין „אַרכיוו", ז. 261], אַן אויפרוף פון ג. וועגן קבלת-פּנים פאַר אים, ניו-יאָרק, נאָוועמבער 1903 [אָפּגעדרוקט אין „אַר־כיוו", ז. 262], ג.'ס רעדע אויפן קבלת-פּנים [אָפּגעדרוקט אין „אַרכיוו", ז. 264], אַ בריוו צו שמ"ר, בערך 1902-1903 [אָפּגעדרוקט אין „פּנקס", ניו-יאָרק, 1927, ז. 159], צו שלום עליכם [אָפּגעדרוקט אין „פּנקס", 3, 1928, ז. 266], אַ בריוו אין רעדאַקציע [„דער פאָלקס-אַדוואָקאַט", נ. י., 19 סעפּט. 1888], צו א. טאָרטשינער, ניו-יאָרק, 30 דעצעמבער 1908, [אָפּגעדרוקט אין „אַרכיוו", ז. 277], 6 בריוו צו יצחק פּערקאָוו, פאַר דער צייט פון 1903-1907 [אָפּגע־דרוקט אין פּערקאָפס בוך „אברהם גאָלדפאַדען", לאָנדאָן, 1908] און 2 בריוו צו יאָזעף וויינשטאָק, פּאַריז, 15 אַפּריל 1900, [אָפּגע־דרוקט אין „אַרכיוו", ז. 461].

אין „אַרכיוו פאַר יידיש טעאַטער", וואו עס געפינען זיך פיל נייע מאַטעריאַלן פאַר דער גאָלדפאַדען-פאָרשונג, איז אויך אָפּגע־דרוקט ג.'ס אַ מאַנוסקריפּט, אין דער פאָרם פון אַ בריוו אין רע־דאַקציע, אַלס זיין ענטפער אויף אַ רעצענזיע וועגן „ניע בע, ניע מע". אין דעם בריוו געפינען זיך איינציקע נייע פאַקטן צו דער געשיכטע פון דער יידישער אָפּערעטע.

פאַרן צווייטן באַנד פון דעמזעלבן „אַרכיוו" ווערן צוגעגרייט צום דרוק נאָך 25, ביז איצט ניט פאַרעפנטלעכטע, בריוו פון ג.

פיל מאַטעריאַל פאַר דער אויספאָרשונג פון דעם גאָלדפאַדען-פּע־ריאָד געפינט זיך אין ג.'ס אויטאָביאָגראַפיעס.

די ערשטע א ו י ט אָ ב י אָ ג ר אַ פ י ע האָט ג. פאַרעפנטלעכט בעת זיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע, אין זיין „ניו יאָרקער אילוסט־רירטע יידישע צייטונג" (נומער 4, 1887). אין 1888 איז דידאָ־זיקע אויטאָביאָגראַפיע איבערגעדרוקט געוואָרן אין „הויז-פריינד" (באַנד 1, זז. 165-8) אין דער פאָרם פון אַ ביאָגראַפיע (פאַרקירצט און אין דריטער פּערזאָן) געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים פון „אַ וואָהלינער". דיזעלבע אויטאָביאָגראַפיע איז אויך דערשינען דעם 9 יאַנואַר 1908 אין דער ניו-יאָרקער „דיא ווארהייט" און איז דער־נאָך ווידער איינציקע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן.

אין 1896 האָט ג. צוגעשיקט צו ח. י. מיניקעס פאַר זיין זאַמל־בוך „דיא אידישע ביהנע" אַן אַרטיקל „די ערשטע פּעריאָדע פון דעם אידישען טעאַטער". דער אַרטיקל איז אַנאָנסירט געוואָרן פאַרן צווייטן באַנד פון דעם זאַמלבוך, וואָס איז אָבער ניט דערשינען, און דער אַרטיקל איז פאַרלוירן געגאַנגען.

ערשט דעם 1 אויגוסט 1901 נעמט ג. אין פּאַריז אויפסניי שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע, פון וועלכער 3 פאָרטזעצונגען זיינען באַלד געדרוקט געוואָרן אין „מיניקעס יום-טוב-בלעטער" אין ניו-יאָרק און דערנאָך איבערגעדרוקט געוואָרן טיילווייז אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבן פון „מיניקעס יום-טוב-בלעטער", ווי אויך אין ניו-יאָרקער „גאָלדפאַדען-בוך" און דורך שלום פּערלמוטער אין „פאָרווערטס" פון 24 אַפּריל 1927.

אין „די וועלט" (1900,19) האָט ג. אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער באַרירט ענינים, וועלכע טראָגן אַ ביאָגראַפישן כאַ־ראַקטער.

פון זעלבן כאַראַקטער איז אויך ג.'ס אַרטיקל „פון שמענדריק ביז „בן-עמי", געדרוקט דעם 29 מערץ 1907 אין „דער אַמערי־קאַנער" און איבערגעדרוקט אין „אַרכיוו".

דעם 5 אַפּריל 1929 האָט שלום פּערלמוטער אָנגעהויבן פאַר־עפנטלעכן אין דער פילאַדעלפיער „די אידישע וועלט", א"נ „דער אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער", ג.'ס אויטאָביאָגראַפיע לויט זיין כתב-יד פון 4 העפטן. דאָס איז ג.'ס ערשטע אויספירלעכע אויטאָ־ביאָגראַפיע, וועלכע דערגרייכט ביז נאָך דער אויפירונג פון „בריינ־דעלע קאָזאַק". צום סוף פון דער לעצטער פאָרטזעצונג (געדרוקט דעם 5 יולי 1929) באַמערקט פּערלמוטער: „דאָס בוך נומער 4 האָב איך נאָך ניט אינגאַנצן צוזאַמענגעשטעלט און איך מוז דער־פאַר דאָ אונטערברעכן מיין סעריע. פון די ערשטע עטלעכע בלעט־לעך, וואָס איך האָב נאָך מיט גאָלדפאַדענס כתב-יד, קאָן מען בלויז זען, אַז אין רומעניע איז ער שוין לאַנג ניט געבליבן און אין דעם יאָר 1878 [1879] איז ער געקומען אין אָדעס קאָנקורירן מיט ישראל ראָזענבערג, און ער האָט אָנגעהויבן זיין טעאַטער אין רוסלאַנד, אין אָדעס, מיט „בריינדעלע קאָזאַק" אין דעם יאָר 1878 [1879]".



דער מאַנוסקריפּט פון ג.'ס אויטאָביאָגראַפיע — אין באַזיץ פון שלום פּערלמוטער אין ניו-יאָרק

אַ חוץ לענגערע און קורצערע ביאָגראַפיעס אין דער פּעריאָדישער פּרעסע, אין לעקסיקאָנען און ענציקלאָפּעדיעס, אַ חוץ לידער גע־ווידמעט ג., פיל אַרטיקלען און זכרונות וועגן אים אַלס דיכטער, רעדאַקטאָר, דראַמאַטורג און גרינדער פון יידישן טעאַטער, זיינען

אויך אַרויס ספּעציעלע ווערק וועגן ג.׳ס טעטיקייט אויפן פעלד פון דער יידישער ליטעראַטור און טעאַטער.

בערך 1877 אָדער 1878 איז אין רומעניע דערשינען אין יידיש די בראָשור „במת ישחק או גי-חזיון. סאלאָן פּאָמאָ ווערדע", בקרת מאת הרואה אברהם הגרשוני לבני-קהת" [ג. אבראַמסקי]. די בראָשור האַלט 30 ז. און איז אַ יקר-המציאות. די וויכטיקסטע שטעלן פון איר האָט נח פּרילוצקי ציטירט אין אַן אַרטיקל אין „בי-כער-וועלט" (וואַרשע, 4-3, 1923).

אין 1889 איז אין וואַרשע דערשינען אין העברעאיש „במת ישחק או משא גיא חזיון" (40 ז. 16°) פון יהושע מזח.

אין 1908 איז אין לאָנדאָן דערשינען י. פּערקאָפס בראָשור „אברהם גאָלדפאַדען. מיינע מעמואַרען און זיינע בריעף" (30 ז. 16°, דאָפּל-שפּאַלטיק), וואָס אַנטהאַלט אויך אייניקע בילדער און גאָלדפאַדענס פאַקסימיליע. די בראָשור איז דערשינען באַלד נאָך ג.׳ס טויט און דער מחבר האָט די הכנסה פון דער בראָשור באַשטימט פאַר ג.׳ס אלמנה.

אין 1926 איז אין ניו-יאָרק דערשינען „גאָלדפאַדען-בוך, אַרויס-געגעבן פון דעם אידישן טעאַטער מוזיי ניו יאָרק" [104 ז. 16°], וואָס אַנטהאַלט, אַ חוץ 2 קורצע הקדמות, אייניקע אַרטיקלען וועגן ג., ג.׳ס בריוו צו שלום עליכם און צו א. ליכטענשטיין, אַן איבער-דרוק פון ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע [לויט מיניקעס יום-טוב בלעטער], אַ „גאָלדפאַדען-ביבליאָגראַפיע" [רשימה פון זיינע ביאָגראַפיעס, אויטאָביאָגראַפיעס, זכרונות, אַרטיקלען, ערשטע רעצענזיעס און קריטישע אָפּשאַצונגען וועגן ג. און זיין טעאַטער (228 נומערן)] ווי אויך אייניקע בילדער.

אין זעלבן יאָר איז אין מינסק דערשינען נ. אויסלענדערס און או. פינקעלס בוך „א. גאָלדפאַדן. מאַטעריאַלן פאַר אַ ביאָגראַפיע, אַרויסגעגעבן פון אינסטיטוט פאַר ווייסרוסלענדישער קולטור" [104 ז. 16°], וואָס אַנטהאַלט אויך אַ נייע רשימה פון 17 ביבליאָגראַפישע אָנווייזונגען.

אין „צייטשריפט" (1, 1926) האָט אורי פינקעל אָפּגעדרוקט אַ גרעסערע אַרבעט א"נ „סאָציאַלע פיגורן אין א. גאָלדפאַדנס ערשטע ווערק".

אין „טעאַטער-בוך" (קיעוו, 1927) האָט י. דאָברושין פאַרעפנטלעכט אַ פּרוב פון אַן אַנאַליטישער אָפּהאַנדלונג א"נ „גאָלדפאַדן דער דראַמאַטורג".

אין זלמן זילבערצווייגס בוך „הינטערן פאָרהאַנג" (ווילנע, 1928) זיינען 117 זייטן, א"נ „די זכרונות פון יצחק ליבערסקאָ, דער איני-ציאַטאָר פון גאָלדפאַדענס טעאַטער", געווידמעט ג.׳ס בינע-טעטי-קייט אין רומעניע און אין רוסלאַנד.

פון ג.׳ס קאָמפּאָזיציעס זיינען דערשינען:

„אחשורוש", [15 נומערן], אַראַנזשירט דורך ה. א. רוסאָטאָ, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו-יאָרק, 1899.

„דיא צויבערין" [10 נומערן], אַראַנזשירט דורך ה. א. רוסאָטאָ, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו-יאָרק, 1900.

„עקידת יצחק" [25 נומערן], אַראַנזשירט דורך ה. א. רוסאָטאָ, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו יאָרק [אָן דרוק-יאָר].

„בר כוכבא" [20 נומערן], אַראַנזשירט דורך ה. א. רוסאָטאָ, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו-יאָרק, 1909.

„בר כוכבא" [17 נומערן], אַראַנזשירט דורך א. גארפינקעל, „ר. מאזין קאָמפּ.", לאָנדאָן.

„שולמית", [25 נומערן], אַראַנזשירט דורך ה. א. רוסאָטאָ, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו-יאָרק, 1911.

„שמענדריק" [6 נומערן], אַראַנזשירט דורך י. מ. רומשינסקי, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו-יאָרק, 1911.

„קוני לעמעל", [10 נומערן], אַראַנזשירט דורך י. מ. רומשינסקי, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו-יאָרק, 1911.

„מליץ יושר" [4 נומערן], אַראַנזשירט דורך רוסאָטאָ און פרידזעל, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו-יאָרק, 1921.

„גיהנום און גן-עדן" [1 נומער — דער קוואַרטעט פון „לא תחמוד"], אַראַנזשירט דורך ה. א. רוסאָטאָ, פערלאַג פאָן י. קאַצע-נעלבאָגען, ניו-יאָרק.

„השיבנו נאַזאַד" [פון „לא תחמוד"], אַראַנזשירט דורך י. י. קאַממען, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו-יאָרק.

„פאַריאָמערט פאַרקלאָגט" [פון „דאָקטאָר אלמאסאדא"] אַראַנ-זשירט פון ה. רוסאָטאָ, „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו-יאָרק.

„יצר הרע" [פון „לא תחמוד"], אַראַנזשירט פון ה. רוסאטא און י. י. קאַממען, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו-יאָרק.

„שטעה אויף מיין פאָלק", [פון „דאָקטאָר אלמאסאדא"], אַראַנ-זשירט פון ה׳ רוסאָטאָ, „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו-יאָרק.

„שופר של משיח", [פון „משיחס צייטן"] אַראַנזשירט פון י. מ. רומשיסקי, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו-יאָרק.

„דאָס בוימעלע" [פון „מליץ יושר"] אַראַנזשירט פון י. מ. רומ-שיסקי, „טהי היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו-יאָרק.

„ניקאָליי׳ס מפלה" פון סאל סמאָל (שמולעוויטש), מוזיק פון א. גאָלדפאַדען [מאָטיוו פון „ראָזשינקעס און מאַנדלען"], אַראַנזשירט ביי ה. א. רוסאָטאָ, „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו-יאָרק.

„אַ טרעמפּ ביזטו, געה ווייטער, געה", ווערטער פון י. ריינגאָלד, מוזיק פון א. גאָלדפאַדען [מאָטיוו פון „פאַריאָמערט, פאַרקלאָגט"], אַראַנזשירט פון י. מ. רומשינסקי, „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו-יאָרק.

ג.׳ס געדרוקטע פּיעסן אין יידיש:

[1] צוויי שכנות
[געדרוקט אין „דיא יודענע", 1869]

[2] די מוהמע סאָסיע
[געדרוקט אין „דיא יודענע", 1869]

[3] פאַליע שכור
אַ טרינק-ליד פון אַ שניידערל פון וואָדעוויל „די וויבאָרעס פון גובערנסקן רב".
[פראַגמענט, געדרוקט אין „קול מבשר" נומער 44, 1871]

[4] אַנאָנימע קאָמעדיע אין 2 אַקטן,
וועלכע איז געשפּילט געוואָרן בערך 8-5 אָקטאָבער 1876 אין יאַסי
[סוזשעט אין ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע]

[5] די רעקרוטן
אָפּערעטע אין 3 אַקטן
[סוזשעט און פראַגמענטן געדרוקט אין ג.׳ס אויטאָביאָ-גראַפיע]

[6] דאָס בינטל האָלץ
וואָדעוויל מיט געזאַנג אין 1 אַקט.
[סוזשעט געדרוקט אין ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע]

[7] די אינטריגע
אָדער
דוואָסי די ספּלעטניצע
רעאַליסטישע דראַמע אין 5 אַקטן
[סוזשעט געדרוקט אין ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע]

[8] די באָבע מיט דעם איינעקיל
אָדער
באָנציע דיא קנייטלעכלייגערין

מעלאָדראַמע אין 3 אַקטען מיט געזאַנג, פערפאַסט פאָן אברהם גאָלדפאַדען
(דיא מוזיק, דיא קאָסטיומען און דיא דעקאָראַציאָנען צו דער פּיעסע זענען צו זאַממענגעשטעלט פון דעם פערפאַסער)
הובא לבית הדפוס ע״י המדפיסים השותפים א. בוימריט-טער וחתנו נ. גאנשאר אשר קנו הזכות מהמחבר.
ווארשא בדפוס בוימריטטער וחתנו גאנשאר רחוב ביע-ליינסקע 16.
[אָן דרוק-יאָר. צענזורירט אין ווארשע 18 פעברואַר 1891, 40 ז. 16°]
[ערשטע אויסגאַבע אין אָדעס 1879]

[8א] דרוק פון יעקב סאַפּירשטיין
139 דיוויזשאָן סטריט, (קעגנאיבער לודלאָוו סט.) ניו יאָרק 1893.
[געדרוקט פון די וואַרשעווער מאַטריצן, בלויז אַן אַנדער שער-בלאַט]

[8ב] גאָלדפאַדענס טהעאַטר מאַגאַזין
פערלאַג י. לידסקי, בוכהענדלער, ווארשא, נאַלעווקי 32
ווארשא תרס״ה [1905], דרוק ש. ב. לאַנדאַ.

[9] שמענדריק
קאָמעדיע אין דריי אַקטען מיט געזאַנג און טענצע
הערויסגעבער: יצחק ליבּרעסקאָ אין יאַסי און ע. מ. ווערבעל אין אָדעס.
אָדעס 1879, 40 ז.

[9א] וואַרשע, ביי י. ליבערמאַן, 1890.

[9ב] גאָלדפאַדענ׳ס יודישעס טהעאַטער
שמענדריג
אָדער
די קאָמישע חתונה
אַ קאָמעדיע אין דרייא אַקטען
פערפאַסט פון א. גאָלדפאַדען
(דיא מוזיק, די קאָסטיומען און דיא דעקאָראַציאָנען צו דער פּיעסע זענען צוזאַמענגעשטעלט פון דעם פערפאַסער)
ווארשא תרס״ז [1907]
פערלאַג און אייגענטהום פון ליב מאָרגענשטערן בוכהאַנד-לונג אין ווארשא. פראַנציסקאַנער שטראַססע נומ. 26.
[40 ז. 16°, מיט אַ בילד ווי „מעפירט שמענדריג צו דער חופּה“]

[9ג] דיא קאָמישע חתונה פאָן שמענדריק מיט דיא כלה אין דרייא אַקטען.
צו שמענדרק מוט דו כלה לויפט קוינעם אלו
ועט אור האָבון אַ שיינום אונטר האַלט
וועט עטץ זעהן וואָס מוט אוז געשעהן באַלד
מען האָט דו כלה פאַר בוטען.
אונטער דו חופּה אונ מוטען
עס איז איין פארגנוגען פאַר דיא וועלט
איהר וועט דם קענון קויפן פאַר אַ שפּאָט געלד:
[נאָמען פון מחבר ניט אנגעגעבן. געדרוקט צוזאַמען מיט ג.׳ס איינאַקטער „דער קאַטער“ און אַ קאָמעדיע אין 3 אַקטן „ליד פון פּייטעל נאַר מיט נאָטקי גנב“ [פון ?, 30 ז. 32°. אויף דייטש אָנגעגעבן: דרוק און פאַרלאַג פון ב. ל. נעבעלעס, לעמבערג 1875 [?]]

[10] דיא קאַפּריזנע כלה-מויד
אָדער
קבצנזאָהן עט הונגערמאָן

מעלאָדראַממא אין 4 אַקטען אונ אין 5 בילדער פערפאַסט פאָן אברהם גאָלדפאַדען
(דיא מוזיק, דיא קאָסטיומען אונ דיא דעקאָראַציאָנען צו דער פּיעסע זעננען צוזאַממענגעשטעלט פון דעם פער-פאַסער).
הובא לבית הדפוס ע״י המדפיסים א. בוימריטטער וחתנו נ. גאנשאר ושותפו ר׳ אהרן גאזלאווסקי, מא״סמ אשר קנו הזכות מהמחבר.
וואַרשא בדפוס בוימריטטער וחתנו גאנשאר רחוב בעליינסקע 16
שנת תרמ״ח לפ״ק [1887]
[46 ז. 16°]

[10א] דרוק פון יעקב סאַפּירשטיין
139 דיוויזשאָן סטריט, (געגענאיבער לודלאָוו סט.)
ניו יאָרק 1893
[געדרוקט פון די וואַרשעווער מאַטריצן מיט אַ נייעם שער-בלאַט און אַ צייכנונג]

[10ב] גאָלדפאַדענס טהעאַטער מאַגאַזין.
קבצנזאָהן עט הונגערמאָן
[א. א. וו.].
פערלאַג י. לידסקי, בוכהענדלער, וואַרשא נאַלעווקי 32
וואַרשא תרס״ה [1905].

[10ג] פאַרלאַג פּ. קאַנטאָראָוויטש, וואַרשע, 1922.
מאַריאַנסקאַ 2

[11] די שטומע כלה
שוישפּיל אין 3 אַקטן מיט געזאַנג
[סוזשעט געדרוקט אין ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע]

[12] דער לעבעדיקער מת
[וואָדעוויל אין 1 אַקט]
[סוזשעט געדרוקט אין „שריפטן“, קיעוו, 1928, ערשטער באַנד, ז. 342]

[13] איקס, מיקס, דריקס
פאַרס אין 2 אַקטן
[סוזשעט געדרוקט אין ג.׳ס אויטאָביאָגראַפיע]

[14] דער קאַטער
איין לוסט שפּיל אין איין אַקט
[געדרוקט אַנאָנים צוזאַמען מיט „דיא קאָמישע חתונה פאָן שמענדריג מיט דיא כלה. לעמבערג 1875 [?]

[15] בריינדעלע קאָזאַק
טרוים-בילד אין 4 אַקטן מיט פּראָלאָג און עפּילאָג
[סוזשעט און אייניקע דיאַלאָגן געדרוקט אין ג.׳ס אויטאָ-ביאָגראַפיע]

[16] דיא כישופמאַכערין (צויבערין)
אָפּערעטאַ אין 5 אַקטען אונ אין 8 בילדער
פערפאַסט פאָן אברהם גאָלדפאַדען
(דיא מוזיק, דיא קאָסטיומען אונ דיא דעקאָראַציאָנען צו דער פּיעסע זעננען צוזאַמענגעשטעלט פון דעם פערפאַסער)
הובא לבית הדפוס ע״י המדפיסים א. בוימריטער וחתנו נ. גאנשאר, ושותפו ה׳ אהרן קאָזלאָווסקי מא״סמ, אשר קנו הזכות מהמחבר
וואַרשא [אָן דרוק-יאָר, 64 ז. 16°]
[ערשטע אויפלאַגע 1887]

[16א] דיא כשופמאַכערין
אַ טהעאַטער שטיק פון א. גאָלדפאַדען
פּרייז 10 סענט

דרוק אונד פארלאג פון
דיא היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני,
83-85-87 קאנאל סט., ניו יאָרק
[אָן דרוק-יאָר. באמת נאָר אַ ניי שער-בלאַט, און טעקסט איבערגעדרוקט פון די װאַרשעװער מאַטריצן]

[16ב] דיא כישופמאכערין (צױבערין)
פארלאג פ. קאנטאראָװיטש, װאַרשא 1922 מאַריאַנסקאַ 2

[17] דער ליגנער
אָדער
טודרוס בלאָז
קאָמישע אָפּערעטע אין 4 אַקטען פון א. גאָלדפאַדען
פערלאַג פון אמקרויט עט פריינד, בוכהאנדלונג, פּשעמישל.
[60 ז. 16°. אויף דער הילע אָנגעגעבן 1911. ערשטע אויסגאבע װאַרשיינלעך פריער]

[18] דער פאַנאַטיק
אָדער
דיא ביידע קוני-לעמיל
אָפּערעטע אין 4 אַקטען און 8 בילדער
[ערשטע אויסגאַבע, װאַרשע 1887]

[18א] גאָלדפאַדענ'ס יודישעס טהעאַטער
די צווײ קוני-לעמעלעס
היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני ניו יאָרק.
[דרוק-יאָר ניט אָנגעגעבן, באמת נאָר אַן איבערדרוק פון װאַרשעװער מאַטריצן, מיט אַ צייכנונג אויף דער הילע]

[18ב] אברהם גאָלדפאַדען
[אויסגעקראַצט: דער פאַנאַטיקער]
אָדער
דיא ביידע קי-לעמיל
פארלאג פ. קאנטאראװיטש װאַרשע 1922
מאַריאַנסקאַ 2

[19] שולמית
אָדער
בת ירושלים
איינע מוזיקאַלישע מעלאָדראַממא אין פערזען און אין 4 אַקטען און 15 בילדער.
פערפאַסט פאָן אברהם גאָלדפאַדען.
[דיא מוזיק, דיא קאָסטיומען און דיא דעקאָראַציאָנען צוא דער פּיעסע זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון דעם פערפאַססער]
דרוק און פערלאַג פון ר. מאַזין ענד קאָמפּ. ווייטשעפּעל, לאָנדאָן [1902. ערשטע אויסגאַבע װאַרשע 1886 אין אַן אַנדערן פאַרלאַג]
פרייז מיט די נאָטען 4 שילינג.
[62 ז. 16°]

[19א] [איבערגעדרוקט אין היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני, 50-52 עלדריטש סט. ניו-יאָרק. אָן דרוק-יאָר]

[19ב] [איבערגעדרוקט אין װאַרשע 1922, פאַרלאַג פ. קאַנטאָ-ראָוויטש]

[19ג] א. גאָלדפאַדען
שולמית
אָדער
בת ירושלים
בעארבייט פון ז. האבער.
מיט װידערגאבע פון די װיכטיגסטע לידער
פערלאַג „פאַמיליענבלאַט" נאדבורנא 1911

קליינער טעאַטער-פיהרער נומער 1
פרייז 12 ה', 10 פפ' [32 ז. 32°]

[20] דאָקטאָר אלמאסאדא
אָדער
דיא יודען אין פּאַלערמאָ
היסטאָרישע אָפּערעטא אין 5 אַקטען און אין 11 בילדער בעאַרבייטעט נאָך איינעם דייטשען ראָמאַן פאָן אברהם גאָלדפאַדען
(דיא מוזיק, דיא קאָסטיומען און דיא דעקאָראַציאָנען צו דער פּיעסע זענגען צוזאַמענגעשטעלט פון דעם פערפאַסער)
הובא לבית הדפוס ע"י המדפיסים א. בוימריטטער וחתנו נ. גאנשאר, ושותפו ה' אהרן קאַזלאָווסקי מא"סם אשר קנו הזכות מהמחבר.
װאַרשא בדפוס בוימריטטער וחתנו גאנשאר רחוב ביעלינ-סקע 16 שנת תרמ"ח לפ"ק [1887]
[62 ז. 16°]

[20א] דרוק פון יעקב סאַפּירשטיין 139 דיוויזשאָן סטריט, (גע-גענאיבער לודלאָוו סט.) ניו יאָרק 1893
[איבערגעדרוקט פון די װאַרשעװער מאַטריצן, נאָר מיט אַ ניי שער-בלאַט]

[20ב] גאָלדפאַדענס טהעאַטער מאגאזין
פערלאַג י. לידסקי, בוכהענדלער, װאַרשא תרס"ה [1905]
דרוק ש. ב. לאַנדא, נאַלעווקי 38.

[21] בר-כוכבא (דער זוהן פון דעם שטערן)
אָדער
דיא לעצטע טעג פון ירושלים
אַ מוזיקאַלישע מעלאָדראַמא אין רייםען, אין 4 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג, אין 14 בילדער
פערפאַסט פון א. גאָלדפאַדען.
(בעאַרבייטעט נאָך פיעלע היסטאָרישע קוועלען)
[ערשטע אויסגאַבע, געדרוקט אין װאַרשע 1887]

[21א] פרייז 10 סענט.
דרוק אונד פערלאַג פון דיא היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני, 122-128 לענאָרד סט., ברוקלין, ניו יאָרק
[קיין דרוק-יאָר. 80 ז. 16°]

[21ב] בר-כוכבא
אַ מוזיקאַלישע מעלאָדראַמא אין 4 אַקטען און אַ פּראָלאָג מיט 14 בילדער פון אברהם גאָלדפאַדען, מיט דעם בילד פונ'ם פערפאַסער. פרייז 35 קאָפּ. פערלאַג פון דוד ראַטה בוכהאַנדלונג, לעמבערג. תרס"ט [1909]
דרוק פון א. סאַלאַט, [80 ז. 16°]

[21ג] א. גאָלדפאַדען.
בר כוכבא
מוזיקאַלישע מעלאָדראַמע אין 4 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג
פאַרלאַג „מוזיק" װאַרשע 1928
פרייז 1.50 גר.
[70 ז. 16°, געדרוקט אין אונזער אַרטאָגראַפיע]

[21ד] א. גאָלדפאַדען
בר-כוכבא
בעאַרבייט פון נ. ראטשפרעכער.
מיט װידערגאבע פון די װיכטיגסטע לידער
קליינער טעאַטער-פיהרער, נומר 2
פערלאַג „פאַמיליענבלאַט", נאדבורנא, 1911.
פרייז 12 ה', 10 פ'ס.

[35 ז. 32°]

[22] טהעאַטער פאַן קעניג אחשורוש
אָדער
קעניגין אסתר
ביבלישע אָפּערעטע אין 5 אקטען און 15 בילדער
[ערשטע אויסגאַבע לעמבערג 1890, פערלאג נעבעלעס]

[22א] א. גאָלדפאַדענ'ס טהעאַטערשטיקע
קעניג אחשורוש
ביבלישע אָפּפערעטע אין 5 אקטען און 15 בילדערן פאַן
א. גאָלדפאַדען
קראקא, תר"ס [1900] דרוק אונד פערלאג פאַן יוסף פישער
(גראַדנגאסע 62)

[22ב] קעניג אחשורוש
אָדער
קעניגין אסתר
ביבלישע אָפּערעטע אין 5 אקטען אונד 15 בילדער
פון א. גאָלדפאַדען
פערלאַג פון ב. ראַבינאָוויץ
398 גרענד סטריט, ניו יאָרק
[48 ז. 16°, דרוק-יאָר?]

[22ג] פערלאַג פון דיא היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני ניו יאָרק
פּרייז 10 סענט. [אָן דרוק-יאָר]

[23] דאָס צעהנטע געבאָט
„לא תחמוד"
קאָממישע אָפּערעטאַ (צויבערמערכען) אין 5 אקטען 10
פערוואַנדלונגען און 28 בילדערן
אָריגינאַל פערפאַסט פאַן אברהם גאָלדפאַדען.
(מוזיק, דעקאָראַציאָנען, קאָסטיומע, אַראַנזשירט פאַם
פערפאַססער)
צום ערשטען מאַל אויפגעפירט אויף דער ביהנע, אונטער
דער פּערזענליכען לייטונג דעם אויטאָרס, אין ניו יאָרק
[אויפן דרויסיקן שער-בלאַט: א. גאָלדפאַדען'ס טהעאַטער-
דער פּערזענליכען לייטונג אונ פערבעססערט מיט פיעלע
ליעדער, אין לעמבערג 1891
קראקא תרנ"ז [1898, 76 ז. 16°]
בדפוסו של יוסף פישער (גראַדגאַססע נו' 62)
[אויפן דרויסיק שער-בלאַט: א. גאָלדפאַדען'ס טהעאַטער-
שטיקע.]

[23א] א. גאָלדפאַדענ'ס טהעאַטרשטיקע
[טעקסט ווי אויבן]
קראקא, תרס"ב [1902]

[24] רבי יאָזעלמאַנן
אָדער
דיא גזירות פין עלזאַס
היסטאָרישע אָפּער אין פינף אקטען אין דרייא אונ צוואַנ-
ציג בילדער פערפאַסט פאַן אברהם גאָלדפאַדען.
(מוזיק, קאָסטימע, דעקאָראַציאָנען, צוזאַמענגעשטעלט פאַם
פערפאַסער)
צום ערשטען מאַל אויפגעפירט אויף דער יודישען ביהנע
אין לעמבערג 14 יענער 1891
פּרייז דרייסיג קרייצער
דרוק אונד פערלאַג פאַן צבי הירש נעבעלעס אין לעמבערג
Nachdruk Verboten Lemberg 1892
[68 ז. 16°]

[24א] מליץ יושר
אָדער
רבי יאָזעלמאַנן
אַ היסטאָרישע אָפּערא פון דיא גזירות פון עלזאַס אין 5
אקטען און 23 בילדער
פערפאַסט פון א. גאָלדפאַדען
פערלאַג פון ב. ראַבינאָוויטש, 398 גרענד סטריט, ניו יאָרק
1900
[72 ז. 16°]

[24ב] היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני, 83-85-87 קאַנאַל סטר. ניו יאָרק
[אָן דרוק-יאָר]

[25] א. גאָלדפאַדענ'ס טהעאַטער שטיקע.
„משיח'ס צייטען?!"
עפּאָכען-בילדער דער רוססישען יודען.
אַלס שוישפּיל מיט געזאַנג און טענצע אין 6 אקטען,
4 פערוואַנדלונגען און 30 בילדערן
אָריגינאַל פערפאַסט פאַן אברהם גאָלדפאַדען.
(געשריבען און אויפגעפיהרט אונטער דער פּערזענליכען
לייטונג דעם אויטאָרס אין לעמבערג (גאַליציען) אים
יאהרע 1891 דען 15 דעצעמבער. צום צווייטען מאַל אויפ-
געפיהרט אויף דער ביהנע אין בוקאַרעסט (רומעניען) אים
יאהרע 1893, פערבעססערט מיט געזענגע, ליעדער אונד
טאַנצע אונטער דער פּערזאָנליכען לייטונג דעם אויטאָרס)
קראקא תר"ס [1900] [100 ז. 16°]
דרוק אונד פערלאַג פאַן יוסף פישער (גראַדנגאַססע נו. 62)

[26] א. גאָלדפאַדענ'ס טהעאַטער שטיקע
עקדת יצחק
או
מהפכת סדם ועמרה
ביבלישע אָפּערעטאַ אין 4 אקטען אונ 40 בילדערן
אָריגינאַל פערפאַסט פאַן א. גאָלדפאַדען
קראקא, תרנ"ז [1897]
דרוק אונד פערלאַג פאַן יוסף פישער (גראַדנגאַססע נו' 62)
[70 ז. 16°]

[26ג] [וואַרשעווער אויסגאַבע]
אין העברעאיש:

[1] הקנאי
או
שני יקטן-יקשן
מחזה צחוק (אופוריתה) בארבעה מעשים
חבר אברהם גולדפדן בלשון יהודית אשכנזית בשם
דיא ביידע קאַנע-לעמעל.
מתרגם עברית ע"י מר-דרור
ירושלים בדפוס מערכת „הצבי"
בהוצאות בן ציון טאראגאן וש' ישראל שריזלי
[72 ז. 24°. דרוק-יאָר ניט אָנגעגעבן]

[2] א. גולדפדן
שולמית
חזיון מימי קדם
תרגם יעקב לרנר
הוצאת פ. קנטורוביץ
ורשה מרינסקה 2
ורשה 1921 [70 ז. 16°. פאַראַן פריערדיקע אויסגאַבן. די

איבערזעצונג האָט זיך מיט יאָרן פריער געדרוקט אין
א פּעריאָדישער אויסגאַבע]

[3] דוד במלחמה
חזיון — יסודתו בדברי הימים לישראל
במערכה אחת וחמשה מחזות בשירים ומחולות
מאת
אברהם בן חיים ליפּא גאָלדפאַדען
[געדרוקט אין „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַ-
טער און דראַמע“, ווילנע, ניו יאָרק 1930, זז. 293-98]

מ. ע. פון שלום פּערלמוטער, סאַול וואַלערשטיין, זיגמונד וויינטרויב, דוד הירש און אַדאָלף שטיין.

ש. ע. פון יעקב מעסטעל, קאַרל זילבערמאַן און פּנחס טאַנצמאַן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ I, זז. 147-256; II, זז. 52-60, 145-151, 182-184, 223.

אברהם גאָלדפאַדען — אַ בריעף אין רעדאַקציע, „דער פאָלקס-אַדוואָקאַט“ נ. י., 9, 1888.

ישראל בן עולם — [ענטפער], „דער פאָלקס אַדוואָקאַט“, נ. י. 11, 1888.

Felix Adler—Eine Jüdische Original Oper, “Die Welt”, 30, 1899.

Abraham Goldfaden—Die Music meiner Jüdischen Singspiele, “Die Welt”, 19, 1900.

ר. א. ב. [ראובן אשר ברוידעס] — אברהם גאָלדפאַדען, „דיא וועלט“, 28, 1900.

בריוו פון דר. דאַנציגער צו באָרים טאָמאַשעווסקי, „דער טהעאַטער זשורנאַל“, נ. י., 2, 1901.

ש. ז. ציפּקין — „בשרה“, ניו-יאָרק, סוכות תר"ע.

דוד פרישמאַן — „אַלע ווערק“, וואַרשאַ, פערלאַג „צענטראַל“, 3טער באַנד, ז. 75.

Hutchins Hapgood—“The Spirit of the Ghetto”, New York, Funk & Waghalls Comp., 1909, pp. 113—176.

ב. גאָרין — דער יודישער טעאַטער אין אַמעריקע, „די יודישע וועלט“, ווילנע, 5, 1913.

ב. באָרוכאָוו — דאָס אידישע טהעאַטער פאַר גאָלדפאַדענ'ס צייטען, „דיא װאַרהייט“, נ. י. 14 נאָוו. 1915.

באָריס טאָמאַשעווסקי — [זכרונות], „פאָרוו.“, נ. י. 13 מאַי 1917.

דייוויד קעסלער — גאָלדפאַדען, לערנער, שייקעוויטש, „דער טאָג“, נ. י., 21 יאַנואַר 1917.

דייוויד קעסלער — אַ קלאַפּ דעם אידישען טהעאַטער, „דער טאָג“, נ. י. 4 פעברואַר 1917.

יעקב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „די וואַרהייט“, נ. י., 4, 7, 18, 29 יאַנואַר, 1, 28 פעברואַר, 29 סעפּט., 15, 22 דעצעמבער 1917, 5, 12 יאַנואַר, 2 16 פעברואַר, 9, 16, 23, 30 מערץ, 6 אַפּריל, 2 יולי 1918.

ב. באַטוויניק — די אָרימע שעהנע „שולמית“, „פאָרוו.“, נ. י. 5 נאָוו. 1920.

M. Kaufman — Ab. Goldfaden der Begründer der Yüdischen Theater-Singspiele, “Neu Zeitschrift Für Music”, 14, 1920.

משה בראָדערזאָן — ביידע קוני לעמלעך, „טעאַטער און קינאָ“, לאָדזש, 1, 1922.

משה טייטש — גאָלדפאַדן אויף אַ נייעם שטייגער, „טא"ק“, לאָדזש, 5 1923.

הלל ראָגאָף — די צוויי „קוני לעמעלס“ אין שוואַרצס קונסט טהעאַ-טער, „פאָרוו.“, נ. י. 9 פעברואַר, 1924.

ל. דרייקורס — בריוו פון גאַליציע, „ליט"בלט“, וואַרשע, 29 (21 נאָוו. 1924).

אַלטער קאַציזנע“ — די באָבע-יאַכנע גאָלדפאַדנס אין טעאַטער „צענט-ראַל“, „ליט"בלט“, וואַרשע, 33, 1924.

דר. נ. סירקין — די צוויי קוני לעמעלס, "דער טאָג“, נ. י. 1 פעברואַר 1924.

אב. קאַהאַן — מאַלי פּיקאָן אַלס „שמענדריק“, „פאָרוו.“, נ. י. 13 נאָוו., 1924.

נ. בוכוואַלד — גאָלדפאַדענ'ס אַ שפּיל מאָדערניזירט, „פרייהייט“, נ. י. 1 פעברואַר 1924.

נ. ב. לינדער — מאַלי פּיקאָן אַלס „שמענדריק“, „טאָג“, נ. י., 21 נאָוו. 1924.

שכנא עפּשטיין — דער וועג פונ'ם נייעם טעאַטער, „פרייהייט“, נ. י. 9 פעברואַר, 1924.

ל. ס. ביעלי — „די צוויי קוני לעמעלס אין שוואַרצס קונסט טעאַ-טער, „יוד"טגבל“, נ. י., 1 פעברואַר 1924.

דר. א. מ., — „די צוויי קוני לעמעלס“ אין קונסט טעאַטער, „מא"זש“, 25 יאַנואַר 1924.

אברהם פישזאָן — 50 יאָהר אידיש טעאַטער, „מא"זש“, נ. י., 19 דעצ. 1924.

נ. בוכוואַלד — „שמענדריק“ קאָנקורירט מיט מאַלי פּיקאָן, „פרייהייט“ 28 נאָוו. 1924.

דר. ש. מ. מלמד — „תחית המתים“ פון פאַרצייטיקער אָפּערעטע — לעבהאַפט און פאַרבענדיג, „די נייע וואַרהייט“, נ. י. 16 מערץ 1925.
„גאָלדפאַדען-בוך“, נ. י. 1926.

נ. אויסלענדער — או. פינקעל — „א. גאָלדפאַדען“. מינסק, 1926.

א. ר. מלאכי — גאָלדפאַדען אַלס רעדאַקטאָר, „אונדזער בוך“, נ. י. 1, 1926.

אב. קאַהאַן — די ערשטע פּיעסע אין שוואַרץ'עס נייעם טעאַטער, „פאָרוו.“ 19 נאָוו. 1926.

נ. בוכוואַלד — ווי לאַנג וועט מען דולדען קאַהאַן דעם קריטיקער? „פרייהייט“, נ. י. 25 נאָוו. 1926.

יעקב באָטאשאַנסקי — „נאָך דער פאָרשטעלונג“, בוענאָס-איירעס, 1926, ז. 86.

ב. באַטוויניק — מכח די אויפפיהרונג פון גאָלדפאַדענ'ס „לא תחמוד“ אין שוואַרצס קונסט טעאַטער, „דער וועקער“, נ. י. 18 דעצ. 1926.

נ. בוכוואַלד — פון גאָלדפאַדן ביז גאָלדפאַדן, „דער האַמער“, נ. י. מאַי 1926.

גאָלדפאַדען-נומער פון „ליטעראַרישע בלעטער“, וואַרשע, 95, 1926.

א. גורשטיין — צו דער סצענישער געשיכטע פון דער „כישופמאַכערין“, „ליט"בלט“, 96 (5 מערץ 1926).

א. גורשטיין — צו א. גאָלדפאַדען-פאָרשונג, „ליט"בלט“, 109, 1926.

א. גורשטיין —אַ פראַנצויזישער רייזענדער וועגן גאָלדפאַדנס טעאַ-טער, „ליט"בלט“, 120. (20 אויגוסט 1926).

ל. דושמאַן — מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, „אָקטיאַבר“, מינסק, 5 נאָיאַבר, 1926.

א. גורשטיין — גאָלדפאַדען אין מאָסקווע, „דער עמעס“, 6 יאַנואַר 1926.

ב. קאַרליניוס — טעאַטער-נאָטיצען, „מאָמענט“, וואַרשע, 22 אָקט. 1926.

נחמן מייזיל — גאָלדפאַדנס „דאָס צענטע געבאָט“ אין קאַמינסקיס טעאַטער, „ליט"בלט“, 130, 1926.

אסתר רחל קאַמינסקי — [זכרונות], „דער מאָמענט“, וואַרשע, 23 יולי 1926.

י. דאָברושין — גאָלדפאַדן און גראַנאָווסקי, „דער האַמער“, נ. י. דעצ. 1926.

י. רימיניק — די ערשטע פינף יאָר אידישער טעאַטער אין אָדעס, „די רויטע וועלט“, כאַרקאָוו, 12, 1926.

ש. י. דאָרפזאָן — „שולמית“ אויף דער אונגאַרישער בינע, „פאַריזער בלעטער“, פאַריז, 123, 1926.

דר. י. קריטיקוס — גאָלדפאַדענ'ס „דאָס צענטע געבאָט“ אין מאָריס שוואַרץ קונסט-טעאַטער, „דער אַמעריקאַנער“, נ. י. 26 נאָוועמבער 1926.

אב. קאַהאַן — „בלעטער פון מיין לעבען“, נ. י. 1926, II זז., 389-91, 378.

מיכאל וויכערט, „טעאַטער און דראַמע“, וואַרשע, 1926, II, זז. 56-59.

י. קאַנטאָר — דער אידישער מעלוכע-טעאַטר פון אוקראַאינע, „די רוי-טע וועלט“, 7-8, 1926.

ה. —טש — ביבליאָגראַפיע, „די רויטע וועלט“, 11, 1926.

דר. יעקב שאַצקי — גאָלדפאַדען און דער מאָדערנער אידישער טעאַ-טער, „זאַמעלבוך צום חנוכת הבית פון אידישן קונסט-טעאַטער“, נ. י. 1926.

[—] — לא תחמוד (אַמאָל און היינט), דאָרט.

ב. אַראָנסאָן — די פּלאַסטישע אויפגאַבע פון „לא תחמוד“, דאָרט.

Maximilian Hurwitz — "The Tenth Commandment" by Abraham Goldfaden, דאָרט.

מ. וו. — אברהם גאָלדפאַדן, „אַרבעטער־לוח“, וואַרשע, 1926, זז. 164-171.

אורי פינקעל — סאָציאַלע פיגורן אין א. גאָלדפאַדנס ערשטע ווערק, „צייטשריפט“, מינסק, 1, זז. 87-104.

ג. זעליקאָוויץ — האָבען די אידען אַמאָל געהאַט אַ דראַמאַ ?, „יוד“טבל“, נ. י. 29 יאַנואַר 1926 .

מיכאַאיל יאַ— — גאָלדפאַדענס ירושה, „פרימאָרגן“, ריגע, 19 מערץ 1926.

דר. א. מוקדוני — אברהם גאָלדפאַדען, „מאָ“זש“, נ. י. 22 יאַנואַר, 1926.

נחמן מייזיל — אברהם גאָלדפאַדען, „היינט“, וואַרשע, 12 מערץ 1926.

שלום פּערלמוטער — צום אַכצענטען יאָהרצייט פון אברהם גאָלדפאַדען, „טאָג“, נ. י. 22 יאַנואַר 1926.

א. פרי — דער טאַטע פון יודישן טעאַטער אברהם גאָלדפאַדען, „קונסט און לעבן“, 1, 1926.

א. ג. קאָמפּאַנעיעץ — גאָלדפאַדען און יעקב אַדלער, „או“וואָרט“, בוקאַרעסט, 27, 1926.

י. קירשענבוים — אברהם גאָלדפאַדען צו זיין 18טען יאָהרצייט און צום 50 יעהריגען יובילעאום פון אידישען טהעאַטער, „דער אַמעריקאַנער“, נ. י. 22 יאַנואַר 1926.

י. קירשענבוים — צום אָנדענקען פון אברהם גאָלדפאַדען, „יוד“פאָלק“ נ. י. 4, 1926.

REP — גראַנדיעזער גאָלדפאַדען מיטינג אין בוקאַרעשט, „או“וועג“, בוקאַרעסט, 2, 1926.

דר. י. שאַצקי — אברהם גאָלדפאַדען און זיין טעאַטער, „צוקונפט“, 3, 1926.

יעקב שטערנבערג — די וויג פון יודישן טעאַטער אין רומעניע, „או“ווארט“, בוקאַרעסט, 23, 1926.

איפּסילאָן — שולמית, „אַפריקאַנער“, 38, 1926.

נ. בוכוואַלד — ביי אַ פּראָבע־פאָרשטעלונג פון „לא תחמוד“ אין אידישן קונסט טעאַטער, „פרייהייט“ נ. י. 19 נאָוועמבער 1926.

נ. בוכוואַלד — די גרויסע דערגרייכונג אין אידישן קונסט טעאַטער, „פרייהייט“, נ. י. 24 נאָוו. 1926.

א. גלאַנץ — „לא תחמוד“, „דער טאָג“, נ. י. 19 נאָוועמבער 1926.

א טעאַטראַל — „דאָס צענטע געבאָט“ אין וואַרשעווער יידישן קונסט־טעאַטער, „פ“צט“, וואַרשע, 22 אָקט. 1926.

טעטריקאָן — די ערשטע פּרעמיערע אין נייעם יודישען קונסט־טעאַטער, „ווארש“עקס“, 22 אָקט. 1926.

י. ט. — ביידע קונע לעמעל, „שעדלעצער וואכנבלאַט“, 15, 1926.

ישראל דער יענקי — „דאָס צעהנטע געבאָט“, שוואַרץ'ס „בעאַרביטונג“ און נייע אויפפיהרונג פון גאָלדפאַדענס שטיק, „יוד“טבל“, נ. י., 28 נאָוו. 1926.

ב. סמאָליאַר — ווי אַזוי גאָלדפאַדענס „לא תחמוד“ ווערט אויפגעפירט אין שוואַרצס קונסט טעאַטער, „יוד“וועלט“, 26 נאָוו. 1926.

אַלטער עפּשטיין — „לא תחמוד“, „פאַרן פאָלק“, נ. י. 16, 1926.

פּאָמפּאדור — „דאָס צענטע געבאָט“, „קונדס“, נ. י. 48, 1926.

מ. קאַטץ — די אויפפיהרונג פון „די צוויי קוני־לעמעלס“ לכבוד אַ האַלבען יאָהרהונדערט אידיש טעאַטער; „יוד“וועלט“, פילאַדעלפיע, 6 אָקט. 1926.

ה. מ. קירשענבוים — גאָלדפאַדענס אָפּערעטע אין סטענדערד טעאַטער, „יודישער זשורנאַל“, טאָראָנטאָ, 23 נאָוו. 1926.

ל. קעסנער — „לא תחמוד“ אָדער „דאָס 10טע געבאָט“, „יוד“טבל“, 19 דעצ. 1926.

ל. קרישטאָל — דאָס צענטע געבאָט אין אידישן קונסט טעאַטער, „פרייע אַרב. שטימע“, 9, 1926.

דר. י. שאַצקי — גאָלדפאַדענס „לא תחמוד“ אין אידישן קונסט־טעאַטער, „אויפגאנג“, נ. י. 6, 1926.

ש. ניגער — די ליעדער פון אברהם גאָלדפאַדען, „צוקונפט“, 3, 1926. „טעאַטער־בוך“, קיעוו, 1927.

משה שטאַרקמאַן — גאָלדפאַדן און שמ“ר, „פנקס“, נ. י. 1927, זז. 158-161.

יעקב דינעזאָן — „זכרונות און בילדער“, וואַרשע, זז. 34-211.

ר. גראַנאָווסקי — יצחק יואל לינעצקי, „פנקס“, נ. י. 1927, זז. 149-50.

ש. פּערלמוטער — ווי אַזוי גאָלדפאַדען האָט געגרינדעט דעם אידישען טעאַטער, „פאָרווערטס“, נ. י. 24 אַפּריל 1927.

קלמן מרמר — צווישן ביכער און זשורנאַלן, „פרייהייט“, נ. י. 26 אַפּריל 1927.

נאָטע זארין — דאָס טעאַטער און חזנות, „טעאַטער און קונסט“, נ. י. 1927, ז. 37.

דר. יעקב שאַצקי — אברהם גאָלדפאַדען און דאָס אידישע טעאַטער, דאָרט.

ש. י. דאָרפזאָן — אברהם גאָלדפאַדען אין רומעניען, „יודיש טעאַטער“, ווין, 1, 1927.

מענדל נייגרעשל — „גאָלדפאַדן־בוך“, דאָרט.

דוב זאַוואַצקי — יודישע אָפּערעטען־מוזיק, דאָרט.

משה שטאַרקמאַן — „בן עמי“ — גאָלדפאַדענס לעצטע שאַפונג, „ליטבלט“ וואַרשע, 33, 1927.

ז. קוטלר — דר. אבא ה. סילוור, „דואר היום“, ירושלים 29 יולי, 1927.

שאול ראַסקין — ב. אַראָנסאָנ'ס דעקאָראַציעס צו „דאָס צענטע געבאָט“, „טעאַטער און קונסט“, נ. י. 1927.

נ. פראַנק — א. גאָלדפאַדען אין פאַריז, „פאַריזער היינט“, 22 אַפּריל 1927.

ש. ניעפּאָמניאַשטשי — גאָלדפאַדען אין בוקאַרעסט, „צייטשריפט“, מינסק, 1928, II-III, זז. 779-84.

זלמן זילבערצווייג — דער „אני מאמין“ פון אברהם גאָלדפאַדען, „טעאַט“צט“, וואַרשע, 3, 1928.

י. רימיניק — די ערשטע טריט פונם אידישן טעאַטער, „דער האַמער“, נ. י., פעברואַר, אַפּריל 1928.

י. רימיניק — צו דער געשיכטע פון גאָלדפאַדנס „מומע סאָסיע“, „שריפטן“, קיעוו, 1928, 1טער באַנד, זז. 337-43.

דר. יעקב שאַצקי — רעצענזיעס, „פנקס“, נ. י. 1928, ז. 394.

א. פרומקין — די פיער פעריאָדען פון דער אידישער אָפּערעטע, „מאָ“זש“ נ. י. 13 אַפּריל, 1928.

משה שאַליט — בלעטערנדיק, „ליט־בלט“, וואַרשע, 10, 1928.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג“ [„די זכרונות פון יצחק ליבערסקאָ, דער איניציאַטאָר פון גאָלדפאַדנס טעאַטער“], ווילנע, 1928.

שלום פּערלמוטער — אידישע דראַמאַטורגען, „די אידישע וועלט“, קליוולאַנד, 21 נאָוו. 1928.

ק. מרמר — אברהם גאָלדפאַדען, „פרייהייט“, נ. י. 9, 10 יאַנואַר, 1928.

נחמן מייזיל — אברהם גאָלדפאַדענס בריוו צו יעקב דינעזאָן, „די יידישע וועלט“, וואַרשע, IV, 1928.

יעקב וואַקסמאַן — צוליב גאָגאָלס „רעוויזאָר“ האָט מען אַרויסגעגעבן דעם ערשטן פאַרבאָט צו שפּילן יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד, „טעאַט“צט“, וואַרשע, 4, 1928.

זלמן זילבערצווייג — זיין ברודער האָט ערפונדן דאָס יידישע טעאַטער און ער ערפינדעט קינסטלערישע זייגערס, „טעאַט“צט“, וואַרשע, 7, 1928.

נ. אויסלענדער, ד. וואָלקענשטיין, נ. לוריע, ע. פינינבערג — „אידישע ליטעראַטור“, קיעוו, 1928, ערשטער טייל זז. 133-44.

„ביבליאָגראַפישע יאָרביכער פון י“וואָ“, וואַרשע, 1928. ז. 403.

דר. יעקב שאַצקי — אַ ניט־פאַרעפנטלעכטער בריוו פון אברהם גאָלדפאַדן צו שלום עליכםן, „פנקס“, נ. י 3. 1928, ז. 266.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג“, ווילנע 1928, זז. 139-118.

מאיר צעלניקער — העלפט שאַפען אַ דענקמאָל פאַר גאָלדפאַדענען, „די פאָסט“, לאָנדאָן, 26 יולי 1929.

יוסף רומשינסקי — „שולמית“ פאַר אַ מיליאָן אידען, „דער טאָג“, נ. י. 25 יאַנואַר 1929.

שלום פּערלמוטער — דער אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער, „די אידישע וועלט“, פילאַדעלפיע 5 אַפּריל — 5 יולי, 1929.

ס. גאָלוב — „שולמית" איז נאָך יונג און שעהן, „דער טאָג", נ. י. 28 יאַנואַר 1929.

מרדכי דאַנציס — איינדרוקען פון אָלשאַנעצקי'ס ראַדיאָ־אויפיהרונג פון גאָלדפאַדענ'ס „בר כוכבא", „דער טאָג", נ. י. 25 פעברואַר, 1929.

באָרים טאָמאַשעווסקי — באָרים טאָמאַשעווסקים זכרונות פון אידישען טעאַטער, „קאַליפאָרניער אידישע שטימע", 12 אַפּריל 1929.

שלום פּערלמוטער — דער אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער, „די אידי־שע וועלט", פילאַדעלפיע, 5 אַפּריל - 5 יולי 1929.

ישראל געזונד — דער באַזוך פון אברהם גאָלדפאַדען אין לעמבערג, „דער מאָרגען", לעמבערג, 704, 1929.

דוד ישעיהו זילבערבוש — אברהם גאָלדפאַדען, „ליט"בלט", וואַרשע, 2, 1, 1929.

נ. שטיף — „די יידישע ליטעראַטור", קיעוו 1929, זז. 247-79.
אברהם טייטעלבוים — „טעאַטראַליאַ", וואַרשע 1929, זז. 43-53.

יעקב וואַקסמאַן — דאָס ערשטע יידישע טעאַטער אין פּעטערבורג, „טעאַט"צט", וואַרשע, (8)1, 1929.

דר. יהושע טהאָן — לעמבערגער געשטאַלטען, „היינט", וואַרשע, 10 מאַי, 1929.

לעאָן בלאַנק — מאָגולעסקאָ צוקריגט זיך מיט יעקב גאָרדין צוליב אַ ליעדעל אין אַ פּיעסע, „פּאָרווּ." 22 יאַנואַר, 1929.

A. Z. Idelson—"Jewish Music in its Historical Development", New York, pp. 447-53.

מ. שטאַרקמאַן — פיליפּ קראַנצס ליטעראַרישע באַגעגנישן, „פילאָל. שריפטן. ביי י"ווא", ווילנע, דריטער באַנד, 1929. זז. 65-66.

שלום פּערלמוטער — דער סוף פון לעמבערגער אידישען טעאַטער פון וואַנען אַמעריקע האָט אימפּאָרטירט איהרע באַוואוסטע אַרטיסטען, „דער טאָג", נ. י. 7 פברואַר 1930.

א. ר. מלאכי — די העברעאיש־אידישע שפּראַך־פראַגע מיט אַ זעכציג יאָהר צוריק, „צוקונפט", נ. י. מאַי 1930.

דר. מאיר בן אברהם הלוי — די „גרויסע שול" אין בוקאַרעשט אין דער געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער, „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע", ווילנע־ניו־יאָרק 1930, זז. 239-42.

ב. וויינשטיין — די ערשטע יאָרן פון יידישן טעאַטער אין אָדעס און אין ניו־יאָרק, דאָרט. זז. 243-54.

משה שטאַרקמאַן — מאַטעריאַלן פאַר אברהם גאָלדפאַדענס ביאָגראַפיע, דאָרט, זז. 255-75.

ה. נ. פישערמאַן — גאָלדפאַדען אין ליכט פון זכרונות, דאָרט, זז. 276-79.

ש"ס—ראָמאַן — דער רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער אין בוקאַרעשט אין 1877, דאָרט, זז. 280-285.

דר. יעקב שאַצקי — גאָלדפאַדענס אַ סטאַטוט פאַר אַ יידישער דראַמאַ־טישער שול אין ניו־יאָרק, אין 1888, דאָרט ,זז. 286-290.

דר. יהושע בלאָך — גאָלדפאַדענס העברעאישע דראַמע, דאָרט, זז. 298-291.

י. ש. — די עלטסטע רעצענזיע וועגן יידישן טעאַטער אין ניו־יאָרק, דאָרט, זז. 431-36.

י. ש. — צוויי בריוו פון א. גאָלדפאַדעז צו יוסף וויינשטאָק, דאָרט, זז. 461-3.

דר. יעקב שאַצקי — „טעאַטער־בוך", דאָרט, זז. 465-6.

דר. יעקב שאַצקי — נ. אויסלענדער — או. פינקעל. א. גאָלדפאַדן, דאָרט, זז. 479-80.

דר. יעקב שאַצקי — אברהם גאָלדפאַדענס בריוו צו יעקב דינעזאָן, דאָרט זז. 479-80.

דר. י. שאַצקי — Jewish Music in its Historical Development דאָרט, זז. 481-5.

דר. יעקב שאַצקי — קלענערע אַרבעטן צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, דאָרט, זז. 498-501.

פאַנני שאַפּיראָ — דער טעאַטער־מוזיי א"נ פון אסתר־רחל קאַמינסקי ביי י"ווא, דאָרט, זז. 512.

גאָלדפאַדען, וואָלף

געב. 14 אָקט. 1884 אין קיעוו, אוקראַינע, פאָטער — יידל גאָלדפאַדען, אַ ברודער פון אברהם גאָלדפאַדען.

ג. שטודירט אין ניעזשינער גימנאַזיע, דער־נאָך באַקומט ער אין קיעווער אוניווערזיטעט אַ דיפּלאָם אַלס פּראָוויזאָר. די אַרבעט איז אים אָבער ניט געווען צום האַרצן. אים האָט גאָר געצויגן צו דער בינע, און נאָך גרויסע שוועריגקייטן טרעט ער אַריין אין 1906 אין דער פּעטערבורגער דראַמאַטישער שול פון ניקאָליי פּאָפּאָוו, רעזשיסער פון קאָמיסאַרזשעווסקאַס טעאַטער.

אין משך פון 17 יאָר שפּילט ג. אין פאַרשיידענע רוסישע טרופּעס מיט אַזעלכע אַקטיאָרן ווי דאַווידאָוו, וואַרלאַמאָוו, הײדעבוראָוו, כאַרלאַמאָוו, פּאָלעוויצקאַ און פיל אַנדערע, דורכפאָרנדיק מיט זיי רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, קאַווקאַז און סיביר.

אין 1917 איז ג. אין אָדעס איינער פון די גרינדער פון ערשטן אַקטיאָרישן פאַרבאַנד און ער ווערט אויסגעקליבן אַלס דער ער־שטער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד.

אין 1919 ווערט ער אָנפירער פון דער געזעלשאַפט „הזמיר" אין כערסאָן, און וויצע-פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט, אין 1920 גרינ־דעט ער, אונטער דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט, אין ניקאָ־לאַיעוו אַן אינטים טעאַטער א"נ „דער נייער וועג", וואָס איז דאָס איינציקע טעאַטער אין יענער געגנט.

אין דער אייגענער צייט גיט זיך ג. אָפּ מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין דראַמאַטישע סטודיעס, אין דער געזעלשאַפט און אין די קאָאָפּעראַטיוון, און פאַרפאַסט 33 איינאַקטערס אין רוסיש, וועלכע ווערן דאָרט געשפּילט.

אין 1923 קומט ג. אין אַמעריקע און טרעט אַריין אין יידישן קונסט-טעאַטער, וואו ער שפּילט ביז 1926 און באַטייליקט זיך אין טורנעע פון דערדאָזיקער טרופּע איבער מערב-אייראָפּע. אין 1926-7 שפּילט ער אין גאַרדען-טעאַטער אין פילאַדעלפיע, 1927-8 — ווידער אין קונסט-טעאַטער, 1928-9 אין פאָלקס-טעאַטער און 1929-30 אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן.

זייט 1927 איז א. מיטגליד אין דער עקזעקוטיוו פון דער יידי־שער אַקטיאָרן־יוניע.

א. האָט איבערזעצט און אויפגעפירט אויף יידיש „סטודענט־פּרינץ" (קאָלאָמביא-טעאַטער, פילאַדעלפיע), נאַטאַנסאָנס „הינטער מויערן", יושקעוויטשס „די קאָמעדיע פון הייראַט" און אָסטראָוו־סקים „אומשולדיק־שולדיק" (אַלע דריי אין פאָלקס־טעאַטער).

ש. ע.

יעקב מעסטעל — ווער זיינען די קינסטלער פון דעם ניו־יאָרקע־אידישען קונסט־טעאַטער, „די צייט", לאָנדאָן, 4 אַפּריל, 1927.

גאָלדפאַדען, יידל

[איליאַ גאָלדענפאָדים]

[געב. 1859 — געשט. 1910]

געב. 1859 אין קאָנסטאַנטינאָוו, וואָלינער גוב., אַלס דריטער זון פון חיים־ליפּע גאָלדענפאָדים.

צוזאַמען מיט זיין ברודער אברהם, האָט ער געענדיקט די ראַבינער־שול אין זשיטאָמיר, וואו ער האָט זיך, אַזוי ווי זיין ברודער, אויסגעצייכנט אַלס תלמיד.

אין די יינגערע יאָרן האָט ג. געאַרבעט אין זיין פאָטערס פאַך, אין זייגערמאַכעריי, אָבער ווען זיין ברודער גרינדעט אין אָדעס דאָס יידישע טעאַטער, טרעט ג. אַריין אין דער טרופּע, און שפּילט דאָרט אַ געוויסע צייט.

איינע פון זיינע בעסטע ראָלן איז געווען „האָצמאַך“ אין „די כשופמאַכערין“.

צוליב אַ מחלוקה מיטן ברודער טרעט ג. אַרויס פון דער טרופּע און גרינדעט אַן אייגענע טרופּע, וועלכע טראָגט אויך דעם נאָמען „גאָלדפאַדען“, און פירט אויף זיין ברודערס פּיעסן, און אויך איניקע שטיק, וועלכע ער האָט אַליין געשריבן. אַזוי ווי ג. האָט זיך שפּעטער מער ניט אָפּגעגעבן מיט טעאַטער, זיינען די דאָזיקע פּיעסן, און אַלע מאַטעריאַלן וועלכע ער האָט געהאַט וועגן זיין טרופּע — פאַרפאַלן געוואָרן.

ג. האָט פאַרלאָזט די יידישע בינע ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די נגישות מצד דער רוסישער אַדמיניסטראַציע. ער נעמט זיך דאַמאָלט צוריק צו זייגערמאַכעריי.

זעקס יאָר האָט ג. געאַרבעט אויף אַ זייגער, וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט אין גאַנץ רוסלאַנד. פאַר דעם דאָזיקן זייגער האָט ג. באַקומען אַ מעדאַל פון ניקאָליי דעם צווייטען. דערנאָך האָט ג. אין משך פון 6 חדשים געמאַכט אין מיניאַטור אַ קאָפּיע פון אייפעל־טורם.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ג. דערפונדן אַן אַפּאַראַט צו כאַפּן גנבים. דאָס איז געווען אויך אַ מין זייגער.

ג. איז געווען דער אמתער טיפּ פון אַ מושלם, אַ מענטש מיט אַן אַרטיסטישער נשמה, אומרואיק, און ער האָט זיך כסדר געוואָרפן פון איין פאַך צום אַנדערן, ניט אַנטוויקלענדיק זיך ווי געהעריק אין איין פאַך.

פאַרענדיקט האָט ג. דערמיט, וואָס ער האָט פאַרקויפט זיין באַרימטן זייגער און האָט, אין 1904, אין דער צייט פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, געעפנט אין כאַרבין אַן אַפּטייק.

דאָרט איז ער אויך, אין 1910, ווייט פון זיין פאַמיליע, געשטאָרבן. איין זון זיינער, וואָלף, איז אַן אַקטיאָר אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע.

ש. ע. פון וואָלף גאָלדפאַדען.

דייוויד קעסלער — ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַן אַקטיאָר? „דער טאָג“, נ. י., 7 יאַנואַר, 1917.

דייוויד קעסלער — די צרות פון אַ גרינעם אַקטיאָר, „דער טאָג“, נ. י., 14 יאַנואַר, 1917.

זלמן זילבערצווייג — זיין ברודער האָט ערפונדן דאָס יידישע טעאַטער, און ער האָט ערפונדן אַ קינסטלערישן זייגער, „טעאַט“צט“, וואַרשע, 7, 1928.

גאָלדפאַדען, נפתלי

[גאָלדענפאָדים]

[געב. בערך 1857 — געשט. 13 דעצעמבער 1917]

געבוירן בערך 1857 אין סטאַראָ־קאָנסטאַנטין, וואָלין, אַלס צווייטער זון פון חיים־ליפּע גאָלדענפאָדים. ברודער פון אברהם. געאַרבעט ביים פאָטער אַלס זייגערמאַכער.

יעקב פּ. אַדלער גיט איבער, אַז בעת ישראל ראָזענבערג האָט [אין 1878] געהערט, אַז אברהם גאָלדפאַדען קומט אין אָדעס, און ער האָט באַמערקט דעם אויפזען, וואָס עס רופט אַרויס דער נאָמען גאָלדפאַדען, האָט ער צוגעצויגן צו זיך גאָלדפאַדענס ברודער נפתלי [גערופן „טולע“] און מיט אים צונויפגעשטעלט אַ טרופּע, וועלכע האָט אָנגעהויבן שפּילן אין כערסאָן, וואו אַדלער האָט געמאַכט זיין ערשטן אויפטריט אויף דער בינע.

ב. גאָרין דערציילט אין זיין „געשיכטע פון אידישען טעאַטער“: „ווען [אברהם] גאָלדפאַדען האָט אין אָדעס גענומען [אין 1879] מאַרינסקי טעאַטער, האָט ער קיין חשק ניט געהאַט צו מאַכן שותפות מיט קרוג [אַ שתדלן ביי דער פּאָליציי], הגם בשעת עס איז פאַרבאָטן געוואָרן צו שפּילן יידיש טעאַטער און קרוג האָט זיך אונטערגענומען אויסצווירקן אַ דערלויבניש, האָט אים גאָלדפאַדען צוגעזאָגט צו מאַכן אים פאַר אַ שותף אין טעאַטער, אויב פון זיין שתדלנות וועט עפּעס אַרויסקומען. אָבער דערפאַר האָט גאָלדפאַדען צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמפּאַניע פאַר דער פּראָווינץ אונטער דער דירעקציאָן פון זיין ברודער טוביא [נפתלי] און קרוג, און האָט זיי אַוועקגעשיקט איבער זיד־רוסלאַנד. די קאָמפּאַניע איז באַשטאַנען פון [ישראל] ראָזענבערג, [יעקב] קאַצמאַן, סאָניע אָבערלענדער, שבתי (דער עלטערער) [דוד סאַבסיי] און אַנדערע. מיט דער קאָמפּאַניע איז אויך מיטגעפאָרן [יעקב פּ.] אַדלער און עס האָט געדויערט אַ קורצע צייט ביז ער איז געוואָרן אַ גאַנצער אַקטיאָר.

„עס פאַרשטייט זיך, אַז די קאָמפּאַניע האָט קיין נייע זאַכן ניט געשפּילט און ניט געדאַרפט. פאַר די שטעט און שטעטלאַך, וואו די קאָמפּאַניע האָט אָנגעשפּאַרט, איז אַלץ וואָס מען האָט געשפּילט, געווען שפּאָגל ניי. קיין איבריקע קרעפטן האָט די קאָמפּאַניע ניט פאַרמאָגט און אויב עס האָט אויסגעפעלט אַ קראַפט אין שטאָט, האָט מען זי דאָרטן גופא געזוכט און געפונען. די הויפּט־פאָדערונג פון אַקטיאָר איז דאַמאָלט געווען, אַז ער זאָל קאָנען זינגען. אַזוי האָט שוין ביים ערשטן אַרויספאָר אין כערסאָן [דאָס איז דער אַרויספאָר אין 1878 אונטער דער דירעקציע ראָזענבערג און נפתלי גאָלדפאַדען] אויסגעפעלט דער קאָמפּאַניע אַ קאָמיקער פאַר דער ראָל פון „האָצמאַך“ אין דער „כשופמאַכערין“. נאָר גלייך האָט זיך אָפּגעזוכט אַ בחור, וואָס איז געווען באַקאַנט מיטן גאַנצן רעפּערטואַר פון די פאָלקסזינגער און אין אַ פּאָר טעג האָט ער אָפּגעקנאַקט זיין ראָל אַזוי, אַז ער האָט אויסגענומען ביי די דירעקטאָרן און איז פאַרבליבן אין דער קאָמפּאַניע און איז מיטגעפאָרן איבעראַל און האָט געשפּילט יונגע און אַלטע פרויען און אויך קאָמישע ראָלן. דאָס איז געווען דער באַקאַנטער קאָמיקער אַברהם פישקינד.

„אין קעשעניעוו האָט די דאָזיקע קאָמפּאַניע געגעבן דוד קעסלערן די געלעגנהייט צו פאַרזוכן דעם טעם פון אַ [פּראָפעסיאָנעלער] בינע. ער האָט ניט געהאַט אַזאַ גליק אַריינצושפּרינגען גלייך אין אַ ראָל. פאַר דער ערשטער צייט איז געווען איבער גענוג, אַז ער האָט געקראָגן די זכיה צו שטיין אויף דער בינע אַלס סטאַטיסט. נאָר ער האָט געהאַט אַ גוטע שטים און ער האָט געקאָנט האָפן צו שטייגן העכער און דערגרייכן צו דער מדרגה פון אַן אַקטיאָר.

„אין קעשעניעוו זיינען אויך אַריינגעקומען די פּאָלקסזינגער מ. חיימאָוויטש (היינע) און [בערל] גרודבערג. אַלס פּאָלקסזינגער האָבן זיי שוין קיין אונטעררייכט אין דער קונסט פון שפּילן ניט געדאַרפט האָבן און זיי זיינען גלייך אַריין אַלס אַקטיאָרן.

„ווען די דערמאָנטע קאָמפּאַניע איז אָנגעקומען קיין סמילע, האָט אויסגעפעלט אַן אַקטריסע. ביז איצט האָט אין דער קאָמפּאַניע געשפּילט פרייליין דאַיען (שפּעטער מרס. קאַצמאַן), נאָר דעם פאָטער איז ניט געפעלן געווען, וואָס זי פאָרט אַרום מיט אַקטיאָרן און ער איז געקומען און אַוועקגענומען איר. נאָר אַפילו אין אַזאַ קליי-נעם שטעטל ווי סמילע האָט מען לאַנג ניט געדאַרפט זוכן אַ נייע קראַפט. דאָ האָט די קאָמפּאַניע געטראָפן פרייליין סאָניעס און זי איז אַרויף אויף דער בינע. פרייליין סאָניעס איז קיין אַנדערע ווי די שפּעטער געוואָרענע, באַוואוסטע שוישפּילערין קעני ליפּצין".

יצחק ליבערסקאַ דערציילט אין זיינע זכרונות אין ז. זילבער-צווייגס „הינטערן פאָרהאַנג": „[אברהם] גאָלדפאַדען האָט ניט אָפּגעלייקנט, אַז ער דאַרף מיך מער ניט האָבן, נאָר ער האָט צו מיר אַן ענין. אַזוי ווי ער האָט אַ ברודער נפתלי און ער האָט אים אַרויסגעשיקט קיין קעשעניעוו, און אַזוי ווי ער ווייסט, אַז דער ברודער טויג ניט, ער איז אַ הוליאַק, זאָל איך פאָרן צו אים אַלס פאַרוואַלטער. ... די טרופּע האָט דאָ [אין קעשעניעוו] געשפּילט אין גראָסמאַנס טעאַטער. דאָס איז געווען אַ שטאָטיש טעאַטער, וואָס האָט געהערט צו אַ יידן, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ האָ-טעל, וואו די אַקטיאָרן זיינען איינגעשטאַנען. די אַקטיאָרן האָבן גאַנצע טעג געשיכורט, מ'האָט געהאַלטן אין איין שפּילן אין קאָרטן. קיינער האָט ניט געהאַט אין זינען דאָס שפּילן [טעאַטער] און די געשעפטן זיינען געווען טאַקע אַזעלכע, אַז די אַקטיאָרן זיינען שוין געווען פאַרשולדיקט ביז איבערן קאָפּ, און קיינער האָט זיי שוין ניט געוואָלט געטרויען קיין פּרוטה. עס איז געווען אַ רואינע, ניט קיין טעאַטער, און איך האָב געזען, אַז איך האָב דאָ ניט וואָס צו פאַרוואַלטן".

ענלעכס שרייבן נ. אויסלענדער און או. פינקעל אין זייער בוך: „א. גאָלדפאַדען":

„... דעמדאָזיקן באַדן אויסנוצן האָט [אברהם] גאָלדפאַדען באַשלאָסן נאָך גאָר פרי, אין יאָר 1879. נאָך דאַמאָלט האָט גאָלד-פאַדן אויסגעטיילט אַ טייל פון זיין טרופּע אונטער דער פירונג פון זיין ברודער נ. גאָלדפאַדען, וועלכער האָט געזאָלט באַזוכן איינ-קע שטעט ניט ווייט פון אָדעס. דער ערשטער אַרויספּאָר פון דערדאָזיקער וואַנדער-טרופּע האָט, אַ פּנים, קיין גרויסן דערפאָלג ניט געבראַכט. אַזוי אַ שטייגער לייענען מיר אין דער אָדעסער „פּראַוודאַ" וועגן דעם דורכפאַל פון גאָלדפאַדנס ברודער אין קע-שעניעוו. די זעלבע צייטונג שרייבט אין אַנדערהאַלבן חדשים אַרום אַז די וואַנדער-טרופּע האָט ניט נאָר קיין קינסטלערישן דערפאָלג ניט, נאָר זי איז אויך מאַטעריעל געענגט און קאָן זיך ניט אַרויס-ראַטעווען פון דער שווערער לאַגע. שפּעטער מיט אַ קורצער צייט שרייבט די זעלבע צייטונג וועגן די גאַסטראָלן פון דער וואַנדער-טרופּע אין ניקאָלאַיעוו און ווידער ווערט געגעבן זייער אַ נעגאַטיווע אָפּשאַצונג פון יענעם טעאַטראַלן שטייגער, וועלכן גאָלדפאַדנס ברו-דער האָט געבראַכט אין די שטעט אַרום אָדעס. ווי מען זאָל זיך ניט באַציען פאָרזיכטיק צו די רעצענזיעס אין דער צייטונג „פּראַוו-דאַ", וועלכע האָט בכלל געהאַט אַ פיינטלעכע שטעלונג צום יידישן טעאַטער, מוז מען דאָך קאָנסטאַטירן, אַז א. גאָלדפאַדנס ברודער מיט זיין וואַנדער-טרופּע האָט ווייניק וואָס געהאָלפן דעם יידישן טעאַטער צו שאַפן זיך סימפּאַטיעס אין דער פּראָווינץ. עס זעט זיך, אַז די וואַנדער-טרופּע, ניט האָבנדיק קיין געהעריקע אָנפי-רונג, האָט אַריבערגעטראָגן אין אירע פאָרשטעלונגען די ערגסטע געוואוינהייטן פון דעם פּריאיקן רומענישן פּעריאָד פון יידישן טעאַ-טער. א. גאָלדפאַדן האָט אין זיין ברודערס וואַנדער-טרופּע פיל מער פאַרלוירן איידער געוואונען. ... פיינטלעכער פון אַלע האָט זיך באַצויגן צו גאָלדפאַדנס טעאַטער דער אָרגאַן פון דער אָדעסער גרויס-בורזשואזיע „פּראַוודאַ". און גראַדע אין דער צייטונג האָט מען מיט אַ באַזונדער[ער] אויפמערקזאַמקייט נאָכגעשפּירט נאָך דער וואַנדער-טרופּע פון גאָלדפאַדנס ברודער. די נאָטיץ וועגן דעם קעשעניעווער דורכפאַל פון דער וואַנדער-טרופּע איז געווען אין דער הינזיכט נאָר אַן אָנהייב. דאָס, וואָס עס האָט אָנגעהויבן די „פּראַוודאַ" אין אָדעס, האָט פאָרגעזעצט די יידיש-רוסישע פּרע-סע אין פּעטערבורג: „רוסקי יעווריי" און „ראַזסוועט". מען האָט אויסגענוצט די פאָרשטעלונגען פון גאָלדפאַדנס ברודער, כדי אַרונטערצורייסן א. גאָלדפאַדענען אַליין, און מען האָט דערביי ניט געקאַרגט מיט באַשולדיקונגען סיי ריכטיקע, סיי באַוואוסטזיניק פאַלשע."

נאָכן שפּילן אין קעשעניעוו (4 וואָכן), איז ג. מיט דער טרופּע געפאָרן קיין אַקערמאַן, דערנאָך קיין יעליסאַוועטגראַד, (וואו ישראל גראָדנער איז אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע), קרעמענטשוג, יעקאַ-טערינאָסלאַוו, פּאָלטאַווע און סביבה און איז דערנאָך צוריקגע-פאָרן מיט אַ האַלבער טרופּע קיין אָדעס צו זיין ברודער אברהם.

יעקב קאַצמאַן, וועלכער האָט געשפּילט אין דער טרופּע, גיט איבער, אַז אַ חוץ אברהם גאָלדפאַדענס רעפּערטואַר, האָט מען אויך געשפּילט נפתלים אַ פּיעסע מיטן נאָמען, (דאַכט זיך אים), „די שבועה".

נפתלים ברודער שמעיה גיט איבער, אַז נאָכדעם ווי נפתלי האָט זיך צוריקגעקערט קיין אָדעס, איז ער ווידער געוואָרן אַ זייגער-מאַכער. אין סוף פון די 90ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט איז נפתלי געקומען אין ניו-יאָרק, וואו ער האָט זיך ווייטער פאַרנומען מיט זיין פאַך.

דעם 13 דעצ. 1917 איז ג. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק און דאָ גע-קומען צו קבורה אויפן באַראָן-הירש בית-עולם.

מ. ע. פון זיין ברודער שמעיה, יעקב קאַצמאַן און אברהם פּישקינד.
ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." I, ז. 212.
יאַקאָב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „דיא װאַרהייט", נ. י., 26 נאָוו. 1916, 1, 6 פעברואַר, 5 אַפּריל, 1917.
דייוויד קעסלער — די צרות פון אַ גרינעם אַקטיאָר, „דער טאָג", נ. י. 14 יאַנואַר 1917.
נ. אויסלענדער — או. פינקעל — „א. גאָלדפאַדען", מינסק, 1926, זז. 49-50.
זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג", ווילנע, 1928, זז. 93-94.

גאָלדפאַדען, פּאַולינע

[פּאַליע ווערבעל]

[געב. 1845 — געשט. 9 סעפּט. 1910]

געבוירן 1845 אין אָדעס, אוקראַינע. פאָ-טער — דער משכיל און העברעאישער דיכ-טער אליהו-מרדכי ווערבעל. ג. האָט באַקו-מען אַ גוטע דערציאונג און האָט באַהערשט אייניקע שפּראַכן אין וואָרט און שריפט.

בערך 1868 האָט זי חתונה אין אָדעס מיט אברהם גאָלדפאַדען און זייט דאַמאָלט מאַכט זי מיט כמעט אַלע טעאַטער-וואַנדערונגען פון איר מאַן, זייענדיק זיין בעל-יועץ אין דער געשעפטלעכער און אָפט אויך אין דער קינסטלערישער אַרבעט אַרום דעם טעאַטער.

יצחק ליבּרעסקאָ שילדערט זי אַזוי אין זיינע זכרונות [„הינטערן פאָרהאַנג“ פון זלמן זילבּערצווייג]: „ווען פרוי גאָלדפאַדען האָט מיך געזען אַרומגיין מיט מיין ביסל סחורה, האָט זי מיר אַ נאָמען געגעבן „האָצמאַך“, אָט דעם נאָמען, וואָס עס טראָגט שפּעטער דער הויזירער אין „די באָבע יאַכנע“ („די צוויבּע-רין“). . . . איך דאַרף דאָ באַמערקן, אַז כאָטש גאָלדפאַדען איז דאַמאָלט געווען אויף גרויסע צרות, אָבער צירונג האָט אים ניט געפעלט. אין פאַרלויף פון די גוטע טעג, וואָס זיינען אָפּט גע-ווען ביים טעאַטער, האָט גאָלדפאַדענס פרוי זיך איינגעקויפט זייער פיל טייערע קאָסטיומען און צירונג. . . . גאָלדפאַדען האָט זיין פרוי גאָרנישט איבערגעלאָזט [ווען ער איז אָפּגעפאָרן קיין אָדעס], וואָרום אַזוי ווי זיין פרוי האָט געפירט זייער אַ ברייט לעבן און פון צייט צו צייט פלעגט זי דאָך פאַר אַלעמען באַצאָלן, האָט זיך קיינער ניט אָפּגעזאָגט איר צו געבן פון שענסטן און פון בעסטן, אָן געלט. . . . דאָס פאָרן פון פרוי גאָלדפאַדען אַליין [פון רומעניע קיין אָדעס] וואָלט געדאַרפט קאָסטן מער ווי פון אַ האַלבּע[ר] טרופּע. אַזוי ראָסקאָשנע האָט זי זיך געפירט. זי מיט איר שוועגערין כינקע זיינען געווען אַזוי באַשמוקט מיט צירונג, אַז זיי האָבן אויסגעזען ווי די רייכסטע פרויען פון גאַנץ בוקאַ-רעסט. . . . איך מיט פרוי גאָלדפאַדען האָבן זיך געטיילט מיט דער אַרבעט: [גאָלדפאַדען איז דאַמאָלט געפאָרן קיין פּעטערבורג וועגן אַ דערלויבּניש צו שפּילן אין רוסלאַנד און די טרופּע האָט געשפּילט אין רומעניע]: איך בין געווען פאַרוואַלטער און זי קאַ-סירער“.

ענלעך שילדערט זיין פרוי גאָלדפאַדען אַליין [אין זיין בריוו פון 8 אָקטאָבּער 1899 צו שלום-עליכם]: „מיין גאַנצער קאַמף אין מיין פאַמיליע-לעבן מיט מיין פרוי באַשטייט אין דעם, וואָס אַזוי ווי איך בין טאָג ווי נאַכט אויפן הימל און ווען די באַגייסטע-רונג קומט מיר אָן צו שרייבּן, ק אָ ן איך ניט און וויל ניט וויסן צי עס איז דאָ אַן ערד מיט געלט, און אַזוי ווי ז י, מיין שותף, איז אַ בשר ודם, וואָס האָט מער צייט זיך צו הערן צום מאַ-טעריעלן קלאַנג, וואָלט [זי] באַדאַרפט אין דער צייט ווען פון מיין פעדער איז גראָד אַרויס אַזויפיל געלט, אָפּהיטן דאָס געלט, זאַמלען עס, אַ תכלית מאַכן דערפון — זי האָט עס אָבער ניט געטאָן — איז אויסערדעם וואָס א י ר אַליין קומט עס צו די אויגן און [זי] ליידט שרעקלעכן מאַנגל — האָט זי מיך געשטעלט ביי דער וועלט אין אַ שרעקלעכער אומבאַהאָלפענער לאַגע — אַז די וועלט טוט מיך פּלוצליך אַ פרעג — וואו איז דיין געלט? — . . . גיב [איך] אַ קוק אויף מיין פרוי — און דער וועלט האָב איך ניט און ט אָ ר ניט קיין ענטפער געבן... ערשט יעצט האָט זי איינ-געזען, נאָר צו שפּעט, איר גרויסן פעלער — „יאָ!“ — זאָגט זי מיר מיט אַ זיפץ — „דו וואָלסט באַדאַרפט האָבן אַ „פריידע-לע“ [„פריידע“ איז דער פרויען-טיפּ פון שלום-עליכמס ראָמאַן „סטעמפּעניו“.] — נאָר ליידער האָב איך די „פריידע“ ניט גע-קאָנט זיין“.

פון אַן אַפיש פאַר די פאָרשטעלונגען אין בוקאַרעסטער יידישן טעאַטער אין 1877 איז צו זען, אַז די צוויי-אַקטיקע קאָמעדיע „דער מאַן מיט הערנער“, וואָס איז דאַמאָלט אויפגעפירט געוואָרן דורך גאָלדפאַדענס טרופּע, איז ניט אַברהמס, נאָר פאַולינעס אַן איבּער-זעצונג פון פראַנצויזיש.

פון דעם איז צו דרינגען, אַז פאַולינע האָט אויך געהאַט אַ האַנט אין די אַנדערע פראַנצויזישע פאַרסן און וואָדעווילן, וועלכע אברהם גאָלדפאַדען האָט איבּערגעאַרבעט אָדער פאַריידישט.

אין אירע בריוו האָט פאַולינע אָפט באַרירט פראַגן, וועלכע וואַרפן אַ ליכט אויפן דאַמאָלטיקן מצב פון יידישן טעאַטער. 4 פון די בריוו זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן: 1) פון 9 אַפּריל 1897 צו יעקב דינעזאָן [„די יידישע וועלט“, וואַרשע, 1929, 4, ז. 26], 2) 14 פעברואַר 1908 צו יצחק פּערקאָף [פּערקאָפס בראָשור „אברהם גאָלדפאַדען“, לאָנדאָן, 1909, ז. 28], 3) 27 מערץ 1908 צו יצחק פּער-קאָף [דאָרט, ז. 5], 4) 30 דעצעמבּער 1908 צו א. טאָרטשינער [„אַרכיוו“, ווילנע, 1930, ז. 272]. אין לעצטן בריוו שרייבּט ג. אַז זי האָט אַ פולשטענדיקן מאַנוסקריפּט פון איר מאַנס לעצטער פּיעסע „בן-עמי“, וועלכע קאָן זיין אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע פאַרן ציוניזם און עס וואָלט געווען כדאי, אַז ציוניסטישע „ליבּהאָבּער“ זאָלן אויפירן די פּיעסע.

נאָך איר מאַנס טויט פלעגט ג. באַקומען 5 דאָלאַר אַ וואָך עמע-ריטור פון באָריס טאָמאַשעווסקי.

דעם 9 סעפּטעמבּער 1910 איז ג. געשטאָרבּן עלנד אין ניו-יאָרק און געקומען צו קבורה אויפן וואַשינגטאָן בית-עולם.

די יידישע פּרעסע האָט געמאָלדן וועגן איר טויט מיט קורצע כראָניק-נאָטיצן.

מ. ע. פון איר שוואָגער שמעיה גאָלדפאַדען.

„גאָלדפאַדען-בוך“, ניו-יאָרק, 1926, זז. 26.

זלמן זילבּערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג“, ווילנע 1928, זז. 24, 46, 50, 53, 68, 69, 81.

נחמן מייזיל — א. גאָלדפאַדענס בריוו צו י. דינעזאָן, „די יידישע וועלט“, וואַרשע, 1928, 4, זז. 118, 115.

ש.׳ס ראָמאַן — דער רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער אין בוקאַרעשט אין 1877, „אַרכיוו“, ווילנע, 1930, זז. 1-280.

גאָלדפאַדען, שמעיה

[גאָלדענפאָדים]

געבוירן 1866 אין סטאַראָ-קאָנסטאַנטינאָוו, וואָלין, אַלס יונגסטער זון פון חיים-ליפּע גאָלדענפאָדים. ברודער פון אברהם גאָלדפאַ-דען. געלערנט אין חדר, דערנאָך אין אַ פאָלקס-שול און אין עלטער פון 15 יאָר אָנגע-הויבּן אַרבּעטן ביים פאָטער אַלס זייגערמאַ-כער. שפּעטער געפאָרן קיין קיעוו צו זיין ברודער יידל, דאָרט זיך אויסגעלערנט דענ-טיסטיק און פּראַקטיצירט אין פּרילוקי. דורך דער צייט האָט ער די געלעגנהייט צו שפּילן אין יעקאַטערינאָסלאַוו מיט „ליבּהאָבּער“ זיין ברודער אברהמס פּיעסען.

אין 1893 געקומען אין אַמעריקע און דאָ 12 יאָר געאַרבּעט אין אַ פאַבּריק פון קונסט-זייגערס, דערנאָך שטודירט און באַקומען אַ דיפּלאָם אַלס אַפּטייקער.

ג. האָט אָנגעשריבּן די פּיעסען: „מאַלי אויף פּאַרק עוועניו“, — „מיוזיקאַל-קאָמעדיע“ אין 3 אַקטן און 1 בילד, „איר גליקלעכע שטונדע“, אַ מוזיקאַלישע דראַמע אין 4 אַקטן און „איר שיקזאַל“ אין 4 אַקטן, וועלכע זיינען ניט אויפגעפירט געוואָרן.

ער האָט אויך באַאַרבּעט און דערגאַנצט דעם איבּערגעבּליבּענעם מאַנוסקריפּט פון זיין ברודער אברהמס נאָך ניט געשפּילטער פּיע-סע „מיין צוואה“.

מ. ע.

גאָלדפאַרב, שמואל

געב. 27 סעפּט. 1891 אין וואַרשע, פּוילן. זיידע — שמואל מאַרשעלעק אין אַפּאַלע. פאָטער — אַ מלמד און אַ בעל-תפלה. געלערנט אין חדר, דערנאָך אין ישיבה, און למודי-חול ביי אַ לערער. יונגלווייז געהאָלפן דעם פאָטער אַלס משורר, ביז אַ חזן נעמט אים צו און לערנט אים נאָטן. באַזוכנדיק אַמאָל דאָס יידישע טעאַטער, ווערט ג. דערפון אַזוי באַגייסטערט, אַז ער נעמט צונויף ישיבה-בחורים און אַנדערע יונגלייט, און שטודירט איין מיט זיי אַ פּיעסע. אין 1908 באַטייליקט זיך ג. צום ערשטן מאָל אין אַ ליבהאָבער-פאָרשטעלונג אין פאַלעניץ אַלס „מאַקס" אין „חנהלע די נייטאָרין", דערנאָך מיט אַנדערע „ליבהאָבער" ביז ער פאָרט אַרויס אין 1910 מיט דער טרופּע ציפּקוס איבער דער פּראָווינץ. 9 חדשים שפּעטער ווערט ג. אַנגאַזשירט צו גוזיקן און 1912 — צו שוואַרצבאַרד-וויינבערג. צוליב מיליטער-דינסט רייסט ג. איבער זיין בינע-קאַריערע ביז 1918, און זייט דאַמאָלט שפּילט ער אין פאַרשיידענע טרופּעס אין פּוילן.

ש. ע.

גאָלדקנאָפּף, אברהם דר.

[געב. ...187 — געשט. — 1920]

געב. אין פּוילן אין די 70-ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. געקומען אין אַמעריקע אין די 90ער יאָרן.

דאָ האָט ג. אָנגעשריבן פיל פּיעסן מיט וועלכע ער פלעגט זיך אַרומטראָגן איבער אַלע טעאַטערס, נאָר קיינער האָט זיי ניט געוואָלט אָננעמען. כדי „דורכצוברעכן אַ וועג", אַז די פּיעסן זאָלן אויפגעפירט ווערן, האָט ער געגרינדעט אַ זשורנאַל:

„דער טהעאַטער שפּיגעל אונד טהעאַטער פריינד, אַ וואָכענטליכער זשורנאַל פאַר אַלע טהעאַטער אנגעלעגענהייטען, רעדאַקטירט ב. דר. אַ. גאָלדקנאָפּף (אגף)". [דערשינען 9 נומערן, ניו-יאָרק, פון 20 פעברואַר ביז סוף אַפּריל 1909].

אין דאָזיקן טעאַטער-זשורנאַל האָט ג. אָפּגעדרוקט דעם ערשטן און ניט פאַרענדיקטן צווייטן אַקט פון זיין „דראַמע פון אידעאַל און לעבן" אין 4 אַקטן — „דער זיעג פון דער וואַרהייט אָדער דעם רב'ס זוהן אַ רעוואָלוציאָנער", און „בריטש אָף פּראָמיס, אָדער די איראָניע פון געזעטץ", אַ דראַמע אין 3 אַקטען, „איינע פון די בילדער אין דער גרויסער סאָציאַלער דראַמע „דער וועג פון ליכט, אָדער די אַלט-נייע וועלט".

שפּעטער האָט ג. פּאַרפּירט אַ פּראָצעס קעגן אַמעריקאַנער טעאַטער-רעזשיסער און דירעקטאָר דייוויד בעלאַסקאָ, וועלכן ג. האָט באַשולדיקט, אַז ער האָט אויפגעפירט זיינע אַ פּיעסע אונטער אַ פרעמדן נאָמען. ג. האָט דעם פּראָצעס פאַרשפּילט.

פון דער פּראָפעסיע איז ג. געוואָרן אַ מאַסאַזשיסט, און האָט זיך גערופן דר.

ג. איז אין 1920 געשטאָרבן אין אַ משוגעים-הויז.

מ. ע. פון מרדכי דאַנציס.

גאָלדשטיין, איזי

געב. 24 אָקט. 1908 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. געענדיקט פּאָבליק-סקול און געלערנט 2 יאָר אין האַי-סקול. אין 1915 נעמט אים זיין שוועסטער דזשעני צו דער בינע אין אַ קינדער-ראָל אין געבילס אַ פּיעסע, און זייט דאַמאָלט שרייבט פאַר אים געביל קינדער-ראָלן. נאָכן שפּילן ביי זיי 2 יאָר גייט ג. איבער אויף אַ סעזאָן צו אַנשעל שאָר אין פילאַדעלפיע, דערנאָך מיט לאָבעל אין פּיפּלס-טעאַטער, דאַן אַ סעזאָן אין ליריק-טעאַטער, ווידער פּיפּלס און דערנאָך מיט זאַצן אין אירווינג-פּלייס און איבער דער פּראָווינץ, אַ האַלבען סעזאָן מיט די זילבערטס אין האָפּקינסאָן, 2 יאָר מיט זאַצן אין אירווינג-פּלייס, אַ קורצע צייט בכלל איבערגעריסן דאָס שפּילן און דערנאָך אַרויסגעטראָטן שוין אַלס בוף-קאָמיקער ביי ליליענען אין ליריק, גלייכצייטיק אויך ביי איזידאָר קעשיער אין מעקינלי סקווער-טעאַטער און 9-1928 אין האָפּקינסאָן-טעאַטער.

מ. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע", „מאָ"זש", 16 נאָוו. 1928.

גאָלדשטיין, אײדאַ

געב. 24 דעצ. 1887 אין קאָוונע, ליטע. עלטערן — מיל-באַזיצער. אין עלטער פון 3 יאָר געקומען מיט אירע עלטערן אין אַמעריקע, וואו זי ענדיקט פּאָבליק-סקול, לערנט מוזיק ביי פּיני מינקאָווסקי און אַ יאָר אין קאָנסערוואַטאָריע.

אין עלטער פון 17 יאָר אָנגעהויבן שפּילן מיט „ליבהאָבער", און שפּעטער אַריין אין אַ פילאַדעלפיער יידישער טרופּע, אונטער מענעדזש. פון אַ. אַבראַמסאָן, וואו זי האָט נאָכן זינגען 3 וואָכן אין כאָר, אָנגעהויבן באַקומען ראָלן. דערנאָך געשפּילט 2 יאָר אין מאָנטרעאַל ביי מידניקן און אייניקע יאָר אין גרענד און ווינדזאָר טעאַטער, האָבנדיק די געלעגנהייט צו שפּילן מיט אַדלער, קעסלער און שילדקרויט. שפּעטער געשפּילט אין אירווינג פּלייס, ליבערטי, האָפּקינסאָן, אין נוארק, אין פילאַדעלפיע און 8 יאָר איבער דער פּראָווינץ. 1927 אַליין אָנגעפירט מיט אַ טרופּע איבער דער פּראָווינץ.

ג. האָט אין 1913 געשפּילט דעם זומער-סעזאָן אין ענגליש וואָדעוויל.

מ. ע.

גאָלדשטיין, ב. י.

[ברוך]

געבוירן 1879 אין דראַזשנע, פּאָדאָליע. פאָטער — אַ טאַבאַק-פאַבריקאַנט. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-יידישע דערציאונג. 1900-1905 — געוואוינט אין קיעוו, וואו ער שרייבט א"פ „ביג" (ברוך יאַקאָוויטש גאָלדשטיין) רעצענזיעס איבער טעאַטער אין „קיעווסקיא נאָוואָסטי" און „קיעווליאַנין". גלייכצייטיק געשריבן קאָרעספּאָנדענציעס אין „דער פריינד". נאָך די פּאָגראָמען פון 1905 אויסגעוואַנדערט קיין קאַנאַדע, וואו ער רעדאַקטירט די צייטונג „דער איד" אין וויניפּעג און דרוקט דאָרט אָפּ (1908-9) זיין דראַמע אין 4 אַקטן „אייפערזוכט". אַריבערגעטראָגן זיך קיין מאָנטרעאַל, איז דאָרט ג. 2 יאָר רעזשיסער פון דער דראַמאַטישער סעקציע ביים „הזמיר". אין דאָרטיקן פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער איז אויך אויפגעפירט געוואָרן דורך בעני אַדלער ג.'ס איינאַקטיקע קאָמעדיע „אויף דער הינטער-טיר".

שפּעטער קומט ג. אין ניו-יאָרק, וואו ער ווערט אַ רעדאַקציעמיטגליד אין „דער טאָג" און איז דאָרט 4 יאָר דער רעדאַקטאָר פון דער „טעאַטער-פיידזש" שרייבנדיק דאָ רעצענזיעס איבערן יידישן טעאַטער. שפּעטער ווערט ג. דער טעאַטער-רעצענזענט פון דער „פרייע אַרבייטער-שטימע".

ג. האָט אויך אָנגעשריבן 2 אָפּערעטעס: „די בראָנקסער פּרינצעסין און „דער מאַמעס זונדל", וועלכע זיינען נאָך ניט אויפגעפירט געוואָרן.

מ. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, ז. 487.

גאָלדשטיין, בעקי

[מלכה רבקה ראָזענבערג]

געב. 1882 אין מלאַווא, פּוילן. אין עלטער פון 12 יאָר אַריבערגענומען געוואָרן מיט דער מוטער און שוועסטער צו אַ שטיף-ברודער אין לאָנדאָן, וואו זי ווערט אַ שניידערין. ג. ווערט דערנאָך אַ כאָריסטקע אין טרופּעס, וואָס שפּילן אין האָלס, און אין עלטער פון 14 יאָר שפּילט זי שוין מוטער-ראָלן.

שפּעטער גייט ג. אַריבער אין סטאַבילע טרופּעס, און האָט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט פיינמאַן, אַדלער און מאָשקאָוויטש. ג. האָט אויך געשפּילט אין דרום-אַפריקע, דאָס ערשטע מאָל מיט מ. ד. וואַקסמאַנס טרופּע, דאַן מיט וואַלערשטיינס טרופּע און אין אַרגענטינע מיט פיינמאַן, דערנאָך געשפּילט מיט יאָזעף קעסלערס טרופּע אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע און אין רומעניע.

ש. ע. פון יאָזעף מאַרקאָוויטש.

גאָלדשטיין, גוסטאַוו

געב. אין 1884 אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — אַ שטובנמאַלער. פון דער פריסטער יוגנט געהאַט אַ נייגונג צו פאַרפאַסן לידלעך, אין עלטער פון 13 יאָר זיך באַטייליקט אין אַ ליבהאָבער-אויפפירונג פון הורוויצס „קרבן ביירעס", וואָס ג.'ס קרוב, דער אַקטיאָר אברהם זילבערמאַן, האָט איינשטודירט. אַ יאָר שפּעטער באַטייליקט זיך ב. אַלס „אַבינדב" אין דער שולמית-אויפפירונג פון דער גאַסטראָלירנדיקער טרופּע א"פ פון

פיליפּ ווייזענפריינד, דערנאָך ביי טרייטלערן אַלס „די כשוף-מאַכערין" אין דער פּיעסע „יונה הנביא".

אין עלטער פון 15 יאָר אַנטלויפט ג. קיין טשערנאָוויץ, וואו ער גייט אַרום איבער קרעטשמעס זינגען לידלעך, זינגט אויף בריתן, פאַרפאַסט אייגענע לידלעך און „גראַמען", פאָרט פון דאָרט קיין פּאַריז, וואו ער שפּילט פון צייט צו צייט יידישע פאָרשטעלונגען, און דערנאָך קיין אַמעריקע, וואו ער טרעט אַריין אין לאָקאַל 5, שפּילט אייניקע יאָר יידיש וואָדעוויל, דערנאָך לעגיטים טעאַטער ביי זילבערטן, ווידער וואָדעוויל, דאַן לעגיטים טעאַטער ביי האָלענדערן, ביי מייק טאָמאַשעווסקי און אויף דער פּראָווינץ און אין 1928-9 אין פּראָספּעקט טעאַטער ביי נייטאַן גאָלדבערג.

ג. שרייבט לידער און קופּלעטן צו וועלכע ער פאַרפאַסט אויך אַליין מוזיק. צו זיינע פּאָפּולערסטע לידער (פון וועלכע פיל זיינען געדרוקט) געהערן: „דער יאָלד איז מיך מקנא", „די מלחמה", „העלפט די מלחמה-קרבנות", „דער קלאוקמייקער וועט זיגן" און „איך פאָר אַהיים".

ש. ע.

גאָלדשטיין, דזשאָן ס.

[יעקב]

געב. בערך 1888 אין לאָנדאָן, וואו ער ענדיקט פּאָבליק-סקול. אין עלטער פון 19 יאָר ברענגט אים זיין שוועסטער אסתר וואַלערשטיין קיין דרום-אַפריקע אַלס מענעדזשער פון איר טרופּע.

נאָך איר אָפּפאָרן פון דרום-אַפריקע ווערט ג. דער פּובליסיטימענעדזשער ביי דעם דרום-אַפריקע-טעאַטער-טראָסט, און פאַרוואַלטעט איבער די יידישע טרופּעס, וועלכע דער טראָסט ברענגט אויף גאַסטראָלן אין דרום-אַפריקע.

מ. ע. פון אסתר וואַלערשטיין.

גאָלדשטיין, דזשעני

געב. 1896 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. פאָטער — אַ קצב. נאָך אַלס קינד האָט ג. צוגעצויגן אויפמערקזאַמקייט צוליב איר שיינער שטים, און דורך דער אַקטריסע ראָזאַ מאַרגולעס קומט זי אָן אין עלטער פון 6 יאָר אַלס קינדער-ראָליסטקע אין ווינדזאָרטעאַטער. איר ערשטע ראָל איז געווען דאָס קינד אין „חנהלע די נייטאָרין" (מיט בערטאַ קאַליש). באַלד מיט איר ערשטן אויפטריט מאַכט זי אַ זייער גוטן איינדרוק סיי אויפן פּובליקום, סיי אויף די אַקטיאָרן, אַזוי, אַז זי ווערט אַנגאַזשירט אַלס שטענדיקע קינדער-ראָליסטקע מיט 9 דאָלאַר אַ וואָך שכירות. דערנאָך גייט זי איבער צו קעני ליפּצין אין טאַליאַ-טעאַטער, וואו זי שפּילט בערך 7 יאָר קינדער-ראָלן, אַרויסטרעטנדיק אויסער אַנדערע פּיעסן אויך אין גאָרדינס „שהרת המשפּחה" (וואו מאָגולעסקאָ האָט פאַר איר געשריבן דאָס ליד „אויף יענער זייט") און „דער אומבאַקאַנטער", אין וועלכע גאָרדין האָט פאַר איר געשריבן די קינדער-ראָלן.

ג. האָט געלערנט אין אַ חדר, דערנאָך געענדיקט פּאָבליק סקול און געלערנט ענגליש און דייטש ביי פּריוואַטע לערער, און מוזיק ביי הערמאַן קעסאָוו.

אין עלטער פון 13 יאָר ווערט ג. אַנגאַזשירט דורך מאַקס ר. ווייגער פאַר דערוואַקסענע ראָלן, און איר ערשטער אויפטריט איז אין לאַטיינערס „דאָס יידישע הארץ". זי ציט אפילו צו די אויפמערק-

זאַמקייט פון דער קריטיק, אָבער צוליב זייטיקע סיבות מוז זי פאַרלאָזן דאָס טעאַטער און אַריינטרעטן אין 1909 צו סעם אַגעדן אין וואָדעוויל אויף קלינטאָן-סטריט. דאָ באַקענט זי זיך מיט מאַקס געביל, און 2 יאָר שפּעטער שפּילן זיי צוזאַמען שוין אין אַן אייגן טעאַטער אויף דער דריטער סטריט, וואו ג. טרעט אויף אין געבילס „קול שופר“, ספּעציעל געשריבן פאַר איר.

איצט בויט אַגעד פאַר איר דאָס קאָמעדיע-טעאַטער, וואו זי שפּילט אָבער נאָר אַ קורצע צייט און פאָרט אַוועק מיט געבילן קיין וויניפּעג. שפּעטער קומען זיי צוריק, און ג. שפּילט אין גרענד מוזיק-האָל, דערנאָך אַ קורצע צייט אין ליפּצין-טעאַטער, פון דאָרט איבער פאַרשיידענע טעאַטערס, דערנאָך ווידער אין ליפּצין-טעאַטער, דאַן אין מאַונט מאָריס טעאַטער, און די לעצטע יאָרן אין פּיפּעלס-טעאַטער, וואו זי איז צוזאַמען מיט איר מאַן, מאַקס געביל, די דירעקטאָרשע פון דער טרופּע.

ג. האָט אין משך פון איר בינע-קאַריערע כמעט אויסשליסלעך געשפּילט אין געבילס פּיעסן, וועלכע זיינען ספּעציעל געשריבן פאַר איר, און אין יעקב גאָרדינס „חאַסיע די יתומה“, וועלכע זי שפּילט זייט דעם טויט פון קעני ליפּצין.

ג. האָט אויך אין 1924 גאַסטראָלירט אין לאָנדאָן, און זומערצייט איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ.

ג. שרייבט ליריקס פאַר אַ טייל פּיעסן, וועלכע זי שפּילט, און זינגט זיי אויך פאַרן גראַמאָפאָן און ראַדיאָ.

דעם 7 דעצ. 1927 איז אין ניו-יאָרק געפייערט געוואָרן ג.׳ס 25-יאָריקע בינע-טעטיגקייט, און לכבוד דעם איז דערשינען אַ סוווענירער מיט אַרטיקלען און באַגריסונגען פון נייט י. פּערבער, מאַקס ר. ווילנער, לוסי ראָבינס-לאַנג, א. בוקשטיין, צ. ה. רובינשטיין, ישראל דער יענקי, יעקב קירשענבוים, ז. קאַרנבליט, דר. א. מוקדוני, מאַקס געביל, ר. גוסקין און אב. קאַהאַן.

י. ענטין — דזשעני גאָלדשטיין אַלס „יתומה“ „דיא וואַרהייט“, נ. י. 25 דעצעמבער 1918.

הלל ראָגאָף — דזשעני גאָלדשטיין אין גאָרדינ׳ס „יתומה“, „פאָרוו.“, 7 דעצ., 1918.

דר. קריטיקוס — „די יתומה“ אין געבילס טעאַטער, „דער טאָג“, 14 דעצ., 1918.

דזשעני גאָלדשטיין — מיין בעסטע ראָל — „מעכעלע“, „מאר“זש“, 3 נאָוו., 1922.

ב. י. גאָלדשטיין — דזשעני גאָלדשטיין, „טעאַטער און קונסט“, ניו־יאָרק, 2, ז. 53.

שלום פּערלמוטער — דזשעני גאָלדשטיין פינף און צוואַנציג יאָהר אויף דער אידישער ביהנע, „די אידישע וועלט“, פילאַדעלפיע, 7 דעצ., 1927.

סידני גאָרדאָן — מען פייערט איצט דעם 25־יעהריגען יובילעאום פון דזשעני גאָלדשטיין אַלס אַקטריסע — „פאָרוו.“, 2 דעצ. 1927.

ז. קאָרנבלוטה — „די דראַמאַטישע קונסט“, נ. י. 1928, זז. 187-182.

ל. קאַמישניקאָוו — דזשעני גאָלדשטיין און איהר פּובליקום, „טעאַט“שט“, ניו־יאָרק, 4, 1926.

Esther Moverman — Jennie Goldstein — Bernardt of the Yiddish stage, “The Philadelphia Jewish Times”, 11 May, 1928.

צ. ה. רובינשטיין — דזשעני גאָלדשטיין, „דער טאָג“, 2 דעצ., 1927.

יעקב קירשענבוים — דזשעני גאָלדשטיינ׳ס 25־יעהריגער יובילעאום, „דער אַמעריקאַנער“, 9 דעצ., 1927.

חיענע יפה — דזשעני גאָלדשטיין, „יו“ט“בל“, ניו יאָרק, 2 דעצ., 1927.

Jean Jaffe — Twenty-five years a Yiddish actress — “The Tageblatt’s English Department”, 8 Dc., 1927.

א. פרומקין — די קינדער ראָליסטען אויף דער אידישער ביהנע, „מאַ“זש“, 30 נאָוו. 7 דעצ., 1928.

דזשעני גאָלדשטיין — איך און דאָס פּובליקום, „מאָ“זש“, 20 יאַנ., 1928.

גאָלדשטיין, זינאַ

געב. 21 פעברואַר 1894 אין מינסק, ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַ היטלמאַכער. דערצויגן געוואָרן אין וואַרשע, וואוהין די פאַמיליע האָט זיך אַריבערגעטראָגן. דאָ האָט ג. געלערנט אין אַ פּראָגימנאַזיע.

ג.׳ס עלטערן, אַליין מוזיקאַליש, פלעגן שטרעבן, אַז זייער טאָכטער, וועלכע האָט געהאַט אַ שיינע שטים, זאָל ווערן אַ זינגערין. באַזוכנדיק מיט די עלטערן די פּוילישע אָפּערע, אימיטירט ג. די זינגער, און דער פאָטער גיט זי שטודירן צו מוזיק-לערער, דערנאָך ווערט ג. אַריינגענומען דורך שלאָסבערגן אין כאָר פון קאָמפּאַניעיעץ טרופּע. דאָ איז ג. אייניקע סעזאָנען אין כאָר, באַקומט באַלד קליינע ראָלן און גייט אַריבער אַלס פּרימאַדאָנע אין זאַנדבערגס לאָדזשער גרויסן טעאַטער, וואו זי איז 3 סעזאָנען, דאַן אַ סעזאָן אין וואַרשע ביי ראַפּעלן און אַ קורצע צייט ביי קאַמינסקין. נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה ווערט ג. די פּרימאַדאָנע אין אַדלער-סיעראַצקיס לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער, וואו זי טרעט צום ערשטן מאָל אַרויס אין אַ ריי אייראָפּעאישע אָפּערעטן.

אין 1920 ווערט ג. אַנגאַזשירט צו טאָמאַשעווסקין אין ניו-יאָרק, וואו זי טרעט אויף אין „דאָס אונגאַרישע מיידל“ [„די טשאַרדאַשפירשטין“ פון קאַלמאַן], דאָ שפּילט זי 2 סעזאָנען, דערנאָך איז זי אַ האַלבן סעזאָן מיטדירעקטאָרשע אין ליבערטי-טעאַטער, דאַן $1\frac{1}{2}$ סעזאָנען אין נייִשאָנאַל ביי לואי גאָלדבערג, 2 סעזאָנען מיט מיכאַלעסקאָ אין ליבערטי-טעאַטער ביי ראָלאַנד, דאַן ווידער ביי לואי גאָלדבערג אין ליבערטי און אין פּאָבליק-טעאַטער און אין 1929-30 אין געבילס פּאָבליק-טעאַטער, וואו זי שפּילט א״נ זינאַ גאָלדבערג.

ג. איז די פרוי פון טעאַטער-מענעדזשער לואי גאָלדבערג.

מ. ע.

מ. אָשעראָוויטש — זינאַ גאָלדשטיין די ניי־געקומענע אידישע אַקטריסע, „פאָרוו.“, 23 נאָוו., 1920.

אַניטאַ בלומענטאַל — זינאַ גאָלדשטיין די יונגע טאַלאַנטפולע אַקטריסע, „דער אידישער פרויען־זשורנאַל“, נ. י., 9, 1923.

ק. איזראַעל — טעט־אַ־טעט מיט זינא גאָלדשטיין, „לאָד“ט“בל“, 130, 1927.

גאָלדשטיין, יוסף

[געב. 1852 — געשט. 1921]

געבוירן 1852 אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — אַ לולקע-מאַכער. געבליבן יונג אַ יתום. שפּעטער געוואָרן אַ משורר. אין עלטער פון 18 יאָר געעפנט אַ קאַפע-הויז. דורך דער איניציאַטיוו פון אברהם גאָלדפאַדען אָפּגעדונגען צוזאַמען מיט לופּו קאַץ דעם בנין און טעאַטער-גאָרטן פון פאָמול ווערדע, וואו ער האָט אין די זומער-חדשים איינגעאָרדנט פאָרשטעלונגען פון יידישע טרופּעס. אין משך פון 12 יאָר האָבן דאָ געשפּילט די טרופּעס אונטער דער אָנפירונג פון גאָלדפאַדען, יאָוועליר, אַקסעלראַד א. א.

אין 1896 האָבן ג. מיט זיין שותף פאַרלוירן דאָס רעכט אויף פאַמול ווערדע. ג. האָט דאַמאָלט איבערגעבויט זיין וויין-שענק און גאָרטן אויף סטראַדאַ באַשאַטע אַלס אַ טעאַטער-גאָרטן א״נ „זשיגניצע“, וואו אַהין ער האָט געבראַכט אַ יידישע טרופּע מיט זילבערט. נאָכן שפּילן 2 יאָר האָט ג., צוליב שלעכטע געשעפטן, אָפּגעשטעלט די פאָרשטעלונגען.

ג. איז אין די אַקטיאָרישע קרייזן געווען פּאָפּולער א״נ „יאָסעלע לולקע״.

אין 1908 איז ג. מיט דער גאַנצער פאַמיליע געקומען אין אַמעריקע, וואו ער איז אין 1921 געשטאָרבן אין ניו-יאָרק און געקומען צו קבורה אויפן הר-הכרמל.

ש. ע. פון זיין זון טשאַרלס גאָלדשטיין.

גאָלדשטיין, יעקב

געב. 19 אויג. 1886 אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק, אוקראַאינע. פאָטער — אַ סוחר. זיין פעטער מנשה ברענדמאַן, אַ דיריגענט אין באַריסאָווס טרופּע פון שטאָטישן טעאַטער, נעמט אים אָפּט מיט אין טעאַטער און הינטער די קוליסן, און ג. באַקומט די געלעגנהייט אויפצוטרעטן אין פאַרשיידענע קינדער-ראָלן.

אין דער פריסטער יוגנט אנטלויפט ג. פון דער היים. מיט דער האָפענונג צו קאָנען אויפגענומען ווערן אין אַ טעאַטער, וואַנדערט ער קיין אָדעס. זיינע חלומות ווערן אָבער ניט דערפילט און ער קומט צוריק אַהיים.

בעת די פּאָגראָמען פאָרט ער צוזאַמען מיט אַן עלטערן ברודער קיין אַמעריקע, וואו ער הויבט אָן באַזוכן די אָוונט-שול, אָבער ער פאַרלאָזט זי מחמת ס'ציט אים צו דער בינע: ער קערט די פּאָדלאָגע אין ווינדזאָר-טעאַטער, טוט די שוואַרצסטע און שמוציקסטע אַרבעט אַבי צו זיין אין טעאַטער. ענדלעך דערשלאָגט ער זיך צו אַ דראַמאַטישן קלאַב, שפּעטער געלינגט אים אַנצוקומען אין בראַנזווילער מעטראָפּאָליטען זינגער-האָל, וואו ער באַקומט די ראָל פון „שוואַרצען״ אין „חיים אין אַמעריקע״, און שפּעטער גרעסערע ראָלן. אַזוי וואָלגערט ער זיך אַרום איבער פאַרשיידענע טעאַטערס, באַווייזנדיק אין משך פון דער צייט צו שפּילן דעם „ווילדן מענטש״, ביז ער ווערט אַנגאַזשירט אין גאָלדן-רול האָל, פון דאָרט גייט ער איבער אין טאַליא מוזיק-האָל, וואו ער שפּילט 2 יאָר, און דערנאָך שליסט ער זיך אָן אין אַ פּראָווינץ-טרופּע, וועלכע פאָרט אַרום איבער אַמעריקע און קאַנאַדע.

אין 1914 שפּילט ער אַ יאָר ענגליש וואָדעוויל. דאַן עפנט ער אין טאָראָנטאָ אַ דירעקציע צוזאַמען מיט נייטאַן גאָלדבערג און איזידאָר מעלצער, אָבער באַלד דערנאָך טרעט ער אַריין צו גאָבילן אין ניו-יאָרק. שפּעטער שפּילט ער 2 יאָר אין שוואַרצעס אירווינג פּלייס-טעאַטער, דערנאָך ווערט ער צוזאַמען מיט יאָזעף שיינגאָלד און סעם אויערבאַך דירעקטאָר אין שיקאַגאָ, דאַן שפּילט ער איבער פאַרשיידענע טעאַטערס אין ניו-יאָרק. אין 1925 איז ער דירעקטאָר און רעזשיסער פון קעפּיטאָל-טעאַטער אין לאָס-אַנדזשעלאָס. אין 1926 שפּילט ער אין נעשאַנאַל-טעאַטער אין ניו-יאָרק, 1927 — אין יידישן קונסט-טעאַטער, 1928-9 — אין פאָלקס-טעאַטער און 1929-30 — אין שיקאַגער לאָנדייל-טעאַטער.

ג. איז געווען אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיוו פון דער יוניע.

מ. ע.

משה לעמפּערט — יעקב גאָלדשטיין, „איד. שטימע״, קאַליפאָרניע, אָקט., 1925.

גאָלדשטיין, לואיס

געב. 3 אויג. 1892 אין יאַנאָווע, גראָדנער גוב., פּויליש-ליטע. פאָטער — אַ באַזיצער פון אַ שלאָסעריי. געלערנט אין חדר, תלמוד-תורה, ישיבה און אין דער דאָרפישער שול.

אין עלטער פון 13 יאָר געקומען אין אַמעריקע און גענומען אַן אַקטיוון אנטייל אין דער אַרבעטער-באַוועגונג.

פילנדיק אַ ליבע צו דער בינע, האָט ער אין ניו-יאָרק געגרינדעט די „יידיש דראַמאַטיש-מוזיקאַלישע ליג״, וועלכע האָט אויפגעפירט איינאַקטערס.

באַלד דערנאָך ווערט ער אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, אָבער נאָכן שפּילן 2 יאָר, ווערט ער אַ סופלער.

ג. איז אַ לענגערע צייט געווען פּרעזידענט פון דער וואָדעוויל-יוניע (לאָקאַל 5), און אין 1921, ווען ער איז אַריינגעטראָטן אין דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע, האָט ער פיל מיטגעווירקט צו דער פאַראייניקונג פון ביידע יוניעס. 6 יאָר איז ער געווען אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיוו פון דער יוניע, צוויי מאָל געווען וויצע-פּרעזידענט און אין 1926-7 — פּרעזידענט פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע, וועלכע ער האָט פאַרטראָטן ביי די געווערקשאַפטן און ביים פאַרבאַנד פון די טעאַטער-יוניעס.

1930 — ווידער פּרעזידענט פון דער אַקטיאָרן-יוניע.

ש. ע.

גאָלדשטיין, לייזער

[געב. בערך 1859 — געשט. 4 יוני 1924]

געב. בערך 1859 אין ווארשע, פּוילן, וואו ער איז אַ באַהעלפער ביי אַ מלמד. אין אַנהייב אַרויסגעטראָטן מיט פּאָלקסזינגער, דערנאָך געוואָרן אַן אַקטיאָר. אין 1906, ווען ג. איז שוין געווען אַ פּאָפּולערער זינגער-אַקטיאָר, האָט ער חתונה געהאַט מיט פרידא זיבעל, און געשפּילט צוזאַמען מיט איר.

בערטאַ קאַליש שילדערט אים אַזוי: „איז געווען אַ וויצלער און אַ סאַטיריקער, שטענדיק פול מיט לעבן, שטענדיק מיט אַ געלעכטער אויף די ליפּן, און שטענדיק גרייט יענעם אַרויסצוהעלפן״.

ג. האָט אין די לעצטע יאָרן, צוליב אַ טיילווייזן פּאַראַליז, ניט געשפּילט.

דעם 4 יוני 1924 איז ג. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק.

מ. ע. פון יוסף טשיזשיק, פרידא זיבעל און יעקב מעסטעל.

בערטאַ קאַליש — (זכרונות) „טאָג״, 25 אַפּריל, 1925.

גאָלדשטיין, שכר

[געב. ... — געשט. 1887]

געווען אַ זאָטלמאַכער, דערנאָך געוואָרן אַ פאָלקסזינגער און אַרומגעפאָרן מיט ישׂראל גראדנער. סוכות 1876 טרעטן זיי צוזאַמען אַרויס אין שמעון מאַרקס גערטנדעל אין יאַסי אין לידער פון צונזער, זבאַרזשער, ליינעצקי און גאָלדפאַדען.

גאָלדפאַדען, וועלכער איז דאַמאָלט אַרויסגערופן געוואָרן קיין יאַסי דורך יצחק ליברעסקאָ, זעט די צוויי זינגער, און שרייבט פאַר זיי אָן אַ „שטיק" אין צוויי אַקטן, וועגן וועלכן גאָלדפאַדען דריקט זיך אַליין אויס: „וואָס זאָג איך אַ שטיק! אַ — איך ווייס אַליין ניט וואָס — אַ מין דולעניש, אַן אומזין, אַ כאַלאַטורע".

אין דאָזיקן שטיק האָט גראדנער געשפּילט אַ יונגן חסיד, און גאָלדשטיין זיין יונג ווייבל.

גאָלדפאַדען האָט נאָר אָנגעצייכנט די ליניעס פון דער סצענקע, און גאָלדשטיין אַזוי ווי גראדנער האָבן גערעדט אייגענע „פּראָזע". ג. האָט זיך אויך באַטייליקט אין ערשטן וואָדעוויל „דאָס בינטל האָלץ", וואָס גאָלדפאַדען האָט געשריבן.

ווען גאָלדפאַדען גרינדעט די ערשטע טרופּע פאַר דער פּראָווינץ, איז גאָלדשטיין אין דער טרופּע, אָבער ווען ס'אַנטשטייען שפּעטער די טרופּעס פון גראדנער, מאָגולעסקאָ און ספּיוואַקאָווסקי, גייט ער איבער פון איין טרופּע אין דער אַנדערער.

ג. איז געווען דער צווייטער אַקטיאָר פון גאָלדפאַדענישן טעאַטער. אין 1879 האָט ער חתונה געהאַט מיט דער שפּעטערדיקער אַקטריסע סאָפיע קאַרפּ. זייער טאָכטער איז די אַקטריסע ראָזאַ קאַרפּ.

אין 1887 איז ג. געשטאָרבן אין אָדעס.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." I זז. 158, 169, 170, 192, 194-5.
דייוויד קעסלער — פון בערסאָן ביז ראָסטאָוו, „טאָג", נ. י., 28 יאַנ. 1917.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פּאָרהאַנג", ווילנע, 1928, ז. 32, 34, 101.

גאָלדפאַדען־בוך — נ. י. 1926, זז. 68-59.
שלום פּערלמוטער — דער אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער, „איד. וועלט", פילאַדעלפיע, 18 אַפּריל, 1929.

גאָלדשמידט, יוסף

געב. אין רוסלאַנד [לויט ה. פיינשטיין — אין גאַליציע], זאָל האָבן זיך באַטייליקט נאָך אין גאָלדפאַדענס ערשטע טרופּעס און געשפּילט „אליעזר" אויף דער פּרעמיערע פון „בר כוכבא". אין 1882 געשפּילט מיט גאָלדפאַדענען אין וואַרשע אין טעאַטער בוף (דערנאָך „עלדאראדא" און איצט באָגוסלאַווסקי), און דאָרט געלערנט נאָטן אסתר רחל קאַמינסקי. אין 1883 שפּילט ג. א"ד פון בערגער אין דייטשלאַנד, דערנאָך ביי סמיטן אין לאָנדאָן, וואו ער טרעט אויף אַמאָל אַלס „בר כוכבא" און אַמאָל אַלס „אליעזר". נאָך דער „שׂרפה" אין דעם טעאַטער, אָרגאַניזירט ג. אַ גרופּע בעלי־מלאכות און שפּילט מיט זיי אין פּעלהעם־סטריט־קלאָב גאָלדפאַדענס ערשטע אָפּערעטן. דערנאָך גיט ג. אויף דאָס שפּילן און נעמט איבער דעם שענק אין זעלבן קלוב. שפּעטער עפנט ער אַ טאַבאַק־געשעפט און פאָרט אַרום מיט טרופּעס אונטער זיין דירעקציע איבער ענגלאַנד, ז'אַן גרינדעט ג. צוזאַמען מיט דיינע פיינמאַן אַ קאָאָפּעראַטיוו־טעאַטער.

אויף די עלטערע יאָרן איז ג. געפאָרן צו זיינע קינדער אין קאַנאַדע, וואו ער איז בלינד געוואָרן, און געלעבט פון חזנות. דערנאָך איז ער אויסגעוואַנדערט קיין אויסטראַליע, וואו ער איז געוואָרן אַ מוזיק־לערער.

ג. איז געווען אַן אויסגעצייכנטער מנגן מיט אַ שיינער שטים און פלעגט אויך גאַנץ פעאיק שפּילן זיינע ראָלן.

מ. ע. פון מאַקס ראָזענטאַל, דיינע פיינמאַן, ה. פיינשטיין, עמנואל טשיזשיק.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." I, ז. 238, II. ז. 152.
אסתר רחל קאַמינסקי — (זכרונות) „מאָמענט", 23 יולי, 1926.

גאָלדשמידט, יחיאל

[געב. 18 אָקט. 1889 — געשט. 28 יולי 1929]

געב. 18 אָקט. 1889 אין איוואַ, ווילנער גוב., פּויליש־ליטע, ביי פרומע עלטערן. זיידע — דער שוחט פון שטעטל, פאָטער — אַ סוחר. געלערנט אין חדר און אויך אַביסל העברעאיש און רוסיש.

דעם 5טן יאַנואַר 1902 קומט ג. צו פאַמיליע אין אַמעריקע, און טרעט אַריין אין אַ שול. אין עלטער פון 15 יאָר אַריין אין אַ שאַפּ, וואו ער אַרבעט דריי יאָר.

הערנדיק אַמאָל אויף אַ קאָנצערט אַ דעקלאַמאַציע, געפעלט עס אים אַזוי, אַז ער לערנט זי אויס אויף אויסווייניק און דעקלאַמירט זי ביי יעדער געלעגנהייט. מיטגלידער פון „פּראָגרעסיוו־דראַמאַטיק־קלאָב" לייגן אים פאָר אַריינצוטרעטן צו זיי. ער טרעט אָבער אַריין אין „ליטעראַריש־דראַמאַטישן קלאָב", וואָס פירט אויף פּיעסן ווי „שמע ישׂראל", „נבלה" און הייערמאַנסעס „געטאָ", וועלכע ווערן פון פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער ניט געשפּילט. אין 1910 טרעט ער אַריין אין „פּראָג. דראַמ. קלאָב", וואָס פירט אויף יידיש הויפּטמאַנס און זודערמאַנס פּיעסן. די גאַנצע צייט, וואָס ער שפּילט מיט די „ליבהאָבער" פון די ביידע קלאָבן, אַרבעט ער אין שאַפּ.

אין 1915 ווערט ג. אַ מיטגליד פון דער ייד. אַקט. יוניע, שפּילט דערנאָך 2 יאָר ביי געבילן און 1 יאָר ביי שוואַרצן, איז איינער פון די ערשטע, וואָס פאַרבינדן זיך מיטן „נייער יידישער טעאַטער" (שניצער, בן־עמי), שפּילט מיט שילדקרויטן, דערנאָך טרעט ער ווידער אַריין אין יידישן קונסט־טעאַטער וואו ער שפּילט צוויי יאָר, שפּעטער פאָרט ער אַרום איבער רומעניע און פראַנקרייך.

אין 1924 איז ער מיט־דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, 1925 איז ער צוזאַמען מיט מישאַ גערמאַן דירעקטאָר פון האָפּקינסאָן־טעאַטער אין בראָנזוויל, אין 1926 שפּילט ער אין בן־עמים קונסט־טעאַטער, אין 1927-9 אין יידישן קונסט־טעאַטער, מיט אַ קליינער הפסקה אויף דער ענגלישער בינע (קאָמעדיע „פּאָפּאַ").

ג. איז געווען איינער פון די טאַלאַנטפולסטע יידישע שוישפּילער מיט אַן ערנסטער באַציאונג צום בעסערן טעאַטער.

צו זיינע בעסטע ראָלן געהערן: „דער זיידע" אין „דעם שמידס טעכטער" און „נטע קברן" אין „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" פון פּרץ הירשביין, „דער קברן" אין פּינסקיס „דער אוצר", „דער האָרבאַ-

טער" אין יונה ראָזענפעלדס „קאָנקורענטן", „דער מלוה" אין שלום-עליכמס „די גאָלדגרעבער", „קאַפּיטאַן" אין יעווּרעאינאָווס „די שיף מיט צדיקים", „מר. גרין" אין חנא גאָטעספעלדס „אַמעריקאַנער חסידים" און „מענדל" אין שלום אַשס „קידוש השם".

דעם 28 יולי 1929 איז ג., נאָך אַ קורצער קראַנקהייט, געשטאָרבן אין ניו-יאָרק און געקומען צו קבורה אויפן בית-עולם פון די יידישע טעאַטריקל-עליינס.

מ. ע.

אוריאל מזיק — בילדער-גאַלערעע פון אונזערע אידישע שוישפּיעלער, „דער טאָג", נ. י., 20 אַפּריל 1918.

ב. באָטווינניק — יונגע טאַלאַנטען אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרוו.", 16 נאָוועמבער 1918.

יחיאל גאָלדשמיט — איך און דאָס פּובליקום, „דער טאָג", נ. י. 20 אַפּריל 1928.

מ. אָשעראָוויטש — יחיאל גאָלדסמיט — דער שוישפּילער און דער מענש, „פאָרוו." 30 יולי 1929.

א. גלאַנץ — יחיאל גאָלדשמידט, „דער טאָג", נ. י., 31 יולי 1929.

[—] — אידישע אַקטיאָרען הערען ניט אויף צו רעדען וועגען דעם יונג-פאַרשטאָרבענעם יחיאל גאָלדסמיט, „פאָרוו.", 2 אויגוסט 1929.

חיים עהרענרייך — אַקטיאָרען און אַקטריסעס, וועלכע וועלען דעם יאָהר פעהלען אין די ניו יאָרקער טעאַטערס, „פאָרוו.", 11 אָקט. 1929.

גאָלובאָק, אברהם

[געב. 15 מערץ 1861 — געשט. 9 יולי 1914]

געב. 15 מערץ, 1861, אין אָדעס, אוקראַאינע. פאָטער — אַ שניידער. 1882 טרעפן מיר אים אַרבעטן אין אַ סיגאַרעט-פאַבריק אין ניו-יאָרק צוזאַמען מיט טאָמאַשעווסקין.

ט. דערציילט, אַז „בעת אַ געוויסער ראָזענבלום, וואָס האָט דערקלערט, אַז ער איז געווען אַ יידישער אַקטיאָר אין רוסלאַנד, פלעגט זינגען, פלעגט זיך גאָלובאָק שטענדיק קרימען, פאַרדרייען מיט דער נאָז, זיך פאַרשטאָפּן די אויערן און שרייען: „ניעט, ניעט! ניט גוט, ניט ריכטיק. דאָ גייט עס אַזוי". ער פלעגט איבערזינגען די מעלאָדיע אַלע מאָל אויף אַן אַנדערן טאָן. ווי עס האָט אויסגעזען, איז ער געווען בקי אין אַלע לידלעך און שטיקלעך פון יידישן טעאַטער".

נאָך לאַנגע באַמיאונגען איז ג.'ן און טאָמאַשעווסקין געלונגען צו באַקומען אַן אונטערנעמער, וועלכער האָט געוואָלט איינאָרדנען אַ יידישן טעאַטער און וועלכער האָט אויך צוליב דעם צוועק אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע ג.'ס צוויי ברידער לעאָן און מיראָן.

ג. באַטייליקט זיך אָבער ניט אין זייערע פאָרשטעלונגען. ער איז נאָר דער „אַראַנזשירער". ווען די פאָרשטעלונגען ענדיקן זיך מיט אַ מאַטעריעלן דורכפאַל, גייט ג. צוריק אין פאַבריק אַרבעטן.

שפּעטער ווערט ער אַן אַגענט פון לעבנספאַרזיכערונג. דעם 9טן יולי 1914 שטאַרבט ער אין ניו-יאָרק און קומט צו זיין אייביקער רו אויפן הר-ציון-בית-עולם אין לאָנג איילאַנד, ניו-יאָרק.

ש. ע. פון זיין זון הענרי.

באָריס טאָמאַשעווסקי — „טאָמאַשעווסקי'ס טהעאַטער שריפטען", נ. י. 1908, זז. 18-5, 22.

דייוויד קעסלער — דער ערשטער אידישער אַקטיאָרען סטרייק, „דער טאָג", נ. י. 18 מערץ 1917.

באָריס טאָמאַשעווסקי — אַמאָליגע אידישע אַקטיאָרען וואָס האָבען געשפּילט מיט ערפאָלג און זיינען אַוועק פון טהעאַטער, „פאָרוו.", 18 אויג. 1923.

גאָלובאָק, אַננאַ

[חנה רובינשטיין]

געבוירן 3 אָקטאָבער 1872 אין סימני, סוּוואַלקער גוב., פּוילן. פאָטער — אַן איינבינדער. אַלס קינד געקומען מיט דער פאַמיליע אין שיקאַגאָ, וואו זי לערנט אין סקול, און נאָך איר פאָטערס טויט עפנט זי אַ טאַנצשול. דאָרט באַקענט זי זיך מיטן אַקטיאָר לעאָן גאָלובאָק, און נאָך זייער חתונה ווערט זי אַ יידישע אַקטריסע, דעביוטירנדיק אַלס „רחל" אין „זשידאָווקאַ".

ג. איז תמיד מיטגעפאָרן מיט איר מאַן, און געשפּילט פריער יונגע, דערנאָך מוטער-ראָלן אין זיין טרופּע, שפּעטער באַטייליקט זי זיך אין יידישן און ענגלישן וואַריעטע, אַרויסטרעטנדיק אויך אַלס דראַמטנגייערין און אין אַנדערע עקוויליבריסטישע צירק-נומערן.

זייט איר מאַנס טויט האָט זיך ג. צוריקגעצויגן פון דער בינע.

מ. ע.

באָריס טאָמאַשעווסקי — אַמאָליגע אידישע אַקטיאָרען וואָס האָבען געשפּילט מיט ערפאָלג און זיינען אַוועק פון טעאַטער, „פאָרוו." 18 אויג. 1923.

גאָלובאָק, לעאָן

[געב. 26 אויגוסט 1865 [?] — געשט. 3 מערץ 1918]

געבוירן 26 אויגוסט 1865 [?] אין אָדעס, אוקראַאינע. פאָטער — אַ שניידער. אין דער פרייסטער יוגנט מיטגענומען געוואָרן מיט אַקטיאָרן אַלס זינגער, און אַזוי זיך דערשלעפּט אין שמ"רס טרופּע, מיט וועלכער ער האָט געשפּילט אין אָדעס און אין דער פּראָווינץ.

אַ פעאיקער קאָמיקער, געקענט שיין זינגען און טאַנצן, איז ג. צו יענער צייט געווען איינער פון די באַקאַנטסטע אין די ראָלן „באָבע יאַכנע" און „האָצמאַך", און באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט אַלס „שטיפמאַמע" אין שמ"רס „די שטיפמאַמע" אָדער „די צוויי יתומים".

נאָכן פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד, וואַנדערט ג. אויס קיין לאָנדאָן. פון דאָרט שיקט ער [לויט באָריס טאָמאַשעווסקי] קיין ניו יאָרק צו זיין ברודער אברהם אַפּישן, אין וועלכע ס'ווערט געזאָגט: „דער גרויסער קאָמיקער לעאָן גאָלאָבאָק, וואָס האָט געקראָגן אַ גאָלדענעם מעדאַל פון רוסישן קייזער, שפּילט [אין דער פּיעסע „באָבע יאַכנע"] די צוויי גרויסע ראָלן „האָצמאַך" און „באָבע יאַכנע", און אין דעם דריטן אַקט וועט ער עקסטראַ טאַנצן אַ קאָמאַרינסקי".

אויפן סמך פון די דאָזיקע אַפּישן ברייינגט ג.'ס ברודער לעאָנען קיין ניו יאָרק צוזאַמען מיט זיין צווייטן ברודער מיראָן, און אַלע דריי צוזאַמען מיט באָריס טאָמאַשעווסקין, ה' און פ' ספּעקטאָר, ה' סיימאָן און שרה קראַנצפעלד, אָרדנען איין [בערך יולי 1882 ניט אין 1880 ווי טאָמ. גיט אָן] די ערשטע יידישע פאָרשטעלונג אין אַמעריקע, אויף וועלכער עס איז אונטער דער דירעקציע פון לעאָן און מיראָן גאָלובאָק, אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרקער טורן-האָל (4טע סטריט, צווישן 2טע און 3טע עווענין) גאָלדפאַדענס „באָבע יאַכנע".

לויט באָרים טאָמאַשעווסקי, האָט די ערשטע פאָרשטעלונג צו-געצויגן אַזאַ גוואַלדיקן עולם, אַז דער פּאָליציי האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט איינגעבן צו האַלטן אָרדנונג. די פאָרשטעלונג האָט זיך אָבער אַנגעשטויסן אויף אַ גוואַלדיקער התנגדות פון די דאַמאָלטדיקע יאַהודים, וועלכע האָבן געהאַלטן די פאָרשטעלונג פאַר אַ פלעק אויף יידישקייט, און האָבן דעריבער אַרויסגעשטעלט אויף עטלעכע גרויסע עקספּרעס-וואָגענס ספּעציעלע רעדנער, וועל-כע האָבן געפאָדערט פון די יידן צו באָיקאָטירן די פאָרשטעלונג, און צו לינטשן די אַקטיאָרן, וועלכע דערלויבן זיך אַזוי חוזק צו מאַכן פון יידן.

זעענדיק אַז זייער אויפפאָדערונג האָט ניט קיין דערפאָלג, האָבן די יאַהודים געפּרואווט ווירקן אויף דער מאַד. קראַנצפעלד, אַז זי זאָל זיך מאַכן קראַנק כדי די פאָרשטעלונג זאָל ניט פאָרקומען. טאָמ. האָט אָבער קראַנקערהייט זי געבראַכט אין טעאַטער, און די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן ערשט 15 מינוט נאָך 10 אין אָוונט.

צוליב דער שפּעטער שעה איז זיך כמעט דער גאַנצער עולם פריה פאַנאַנדערגעגאַנגען, דאָסזעלבע אויך דער אָרקעסטער, און אַזוי ווי מאַד. קראַנצפעלד האָט ניט געוואָלט זינגען אָן אַ אָרקעסטער, האָט זי דעקלאַמירט, און געבראַכט דורכדעם צו אַ שרעקלעכן סקאַנדאַל און אַ געשלעג.

אַנדערע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָ-זיקער פאָרשטעלונג גיבן איבער [לויט ב. גאָרין], אַז ס'איז ניט געווען אַזאַ אויסכאַפּעניש אויף די בילעטן, מען האָט אַבסאָלוט ניט באַלאַגערט דעם האָל, און ממילא האָט מען ניט געדאַרפט אַרויס-רופן די פּאָליציי. מאַד. קראַנצפעלד האָט זיך ניט געמאַכט קראַנק, נאָר זי איז פאַקטיש געווען הייזעריק. אויך געדענקען זיי ניט וועגן שטערונג מצד די יאַהודים (דעם אַזוי גערופענעם עמיגראַנטן-קאָמיטעט).

אַלס באַווייז, אַז די ערשטע יידישע פאָרשטעלונג אין אַמעריקע האָט זיך באַצאָלט ערגער ווי מען האָט דערוואַרט, קאָן דינען דער פאַקט, וואָס דער אונטערנעמער איז באַלד געוואָרן אַפּהענדיק און האָט אַזוי גיך קיין צווייטע פאָרשטעלונג ניט אונטערגענומען.

ווי טאָמ. גיט איבער זיינען „אין אייניקע טעג אַרום, נאָך דער ערשטער יידישער פאָרשטעלונג אין ניו-יאָרק, דער גרויסער טראַגי-קער [מיראָן] און דער גרויסער קאָמיקער [לעאָן] און די גאַנצע טרופּע יידישע אַקטיאָרן, געזעסן ביי יאַקאָבין [אַ בעל-הבית פון אַ פּאַפּיראָסן-פאַבריק אויף טשעטהעם סקווער] און געאַרבעט „סאַמאָ-פּאַלנע“ סיגאַרעטן.“

עטלעכע חדשים שפּעטער זיינען אַנגעקומען פון לאָנדאָן מיט דער גרופּע „עם עולם“ נאָך אייניקע „ליבהאָבער“, און אונטער דער דירעקציע פון פריערדיקן דירעקטאָר פרענק וואָלף און נאָך צוויי שותּפים, האָט מען אין דער וואָך פון סוכות 1882 אויפגעפירט אין ניו-יאָרק (לעאָן און מיראָן גאָלובאָק, ספּעקטאָר און פרוי, ישׂראל באַרסקי, ראָזענבלום, רפאל באַיאַרסקי-באַגאַרט, ב. בערנשטיין, סיי-מאָן, זשופּניק און באָרים טאָמאַשעווסקי) גאָלדפאַדענס „באָבע יאַכ-נע“, „קאַפּריזנע טאָכטער“ און „באָבע מיטן אייניקל“, אָבער די הכנסה איז געווען זייער אַ שוואַכע. די דירעקטאָרן האָבן פאַר-לוירן געלט, האָבן זיך צוריקגעצויגן, און די אַקטיאָרן האָבן זיך געפונען אין אַ שרעקלעכן מצב.

ענדלעך איז ג.ן געלונגען צו פאַראינטערעסירן דעם אייגנטימער פון „אָלד באָוערי גאַרדן“, און שליסן מיט אים אַן אָפּמאַך אויף 3 יאָר דאָרט צו שפּילן 2 מאָל אַ וואָך: פרייטאָג אָוונט און שבת נאָכמיטאָג. אָנגעהויבן שפּילן האָט מען בערך סוף 1882.

א חוץ די אויבנדערמאָנטע פּיעסן איז דער רעפּערטואַר באַשטאַ-

נען פון שמ"רס „בעל תשובה“, „די צוויי יתומים“ און „דער יידי-שער פּריץ“ און ישׂראל באַרסקיס פּיעסן „די וואַנזיניקע“ און „דער פּאָגראָם“.

צוליב אינערלעכע סכסוכים צעפאַלט זיך די טרופּע, און אַזוי ווי אין דער דאָזיקער צייט (1883) קומט אָן אַ נייע טרופּע מיט אַקטיאָרן פון אייראָפּע, וועלכע האָבן אַ נאָמען צווישן די אימי-גראַנטן, בלייבט זייט דאַמאָלט מער ניט פאַר ג. קיין פּלאַץ אין ניו-יאָרק, און ער טראָגט זיך איבער קיין שיקאַגאָ. ג. אָרגאַניזירט דאָן די ערשטע יידישע טעאַטער-פאָרשטעלונגען אין דער פּראָווינץ, שפּילנדיק ניט אויף אייגענעם חשבון, נאָר מערסטנסטייל פאַר חברות, תּלמוד-תּורהס, שולן א. ד. ג.

ג.'ס טרופּע באַשטייט פון אים, זיין פרוי, זייערע קינדער, און נאָך אייניקע „ליבהאָבער“, טיילמאָל שפּילט ער אויך צוזאַמען מיט טאָמאַשעווסקין.

דערנאָך קערט ג. צוריק קיין ניו-יאָרק, וואו ער איז 2 יאָר ליסער פון גרענד מיוזיק-האָל (184 מעקיבין סטריט, ברוקלין) אין וועלכן ער פירט אויף (צוזאַמען מיט דזשעני אַטלאַס, וויינטרויב און פרוי, מאָרגענבעסער און אברהם יצחק טאַנצמאַן) וואָדעווילן אויף יידיש, דאַן עפנט ער אין האַרלעם (99 סטריט, 2 עוועניו) אַ מואווינג-פּיק-טשור און וואָדעוויל-הויז (וואו ס'שפּילן אויך לואיס קרעמער און ראַבינאָוויטש), פאָרט ווידער אַרום מיט אַן אייגענער קליינער טרופּע איבער דער פּראָווינץ, שפּילט אַ קורצע צייט אין ענגלישן וואָדע-וויל, ווערט אַן אייגנטימער פון אַ מואווינג-פּיקטשור-הויז אין בראָנקס, שפּילט נישט אַ לענגערע צייט און פירט דערנאָך אָן 6 יאָר מיט אַ האָטעל אין ראָקאָוויי. עס פאַרבענקט זיך אים אָבער ווי-דער צו דער בינע, און ער לאָזט זיך אַרויס איבער דער פּראָווינץ. דאָ ווערט ער אָבער קראַנק, און זיין לעצטער אויפטריט איז אין לואיז-וויל, קענטאָקי. אַ קראַנקן ברענגט מען אים קיין ניו-יאָרק, וואו ער שטאַרבט דעם 3 מערץ 1918 און קומט צו זיין אייביקער רו אויפן וואַשינגטאָן בית-עולם.

ג.'ס קינדער, סעם, קידי און מאָריס דיימאָנט — זיינען שוישפּי-לער. די אַנדערע 2 קינדער האָבן געשפּילט קינדער-ראָלן אין זיי-ער פריער יוגנט.

מ. ע. פון אַננאַ גאָלובאָק.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II, זז. 30-12.

טהאָמאַשעווסקי'ס טהעאַטער-שריפטען, נ. י. 1908, זז. 22-5.

באָרים טאָמאַשעווסקי — אַמאָליגע אידישע אַקטיאָרען וואָס האָבען געשפּילט מיט ערפאָלג און זיינען אַוועק פון טעאַטער, „פאָרוו.“ 18 אויגוסט 1923.

ב. וויינשטיין — די ערשטע יידישע טעאַטער-פאָרשטעלונג אין אַמע-ריקע („טעאַטער זכרונות“, רעד. ז. זילבערצווייג, ווילנע, 1928, זז. 72-69).

גאָלובאָק, מיראָן ע.

[געב. 27 יאַנ. 1863 — געשט. 30 אויג. 1921]

געב. 27 יאַנ. 1863 אין אָדעס, אוקראַאינע. פאָטער — אַ שניידער. אין 1882, צוזאַמען מיט זיין ברודער לעאָן, געבראַכט געוואָרן אַלס אַקטיאָר קיין אַמעריקע דורך זיין דאָר-טיקן ברודער אברהם, און באַלד אויפגע-טראָטן אַלס „מאַרקוס“ אין דער „באָבע יאַכ-נע“.

טאָמאַשעווסקי שילדערט אים אַזוי:

„דער עלטערער ברודער, אַ הויכער און מיט אַ גרויסער לאַנגער פאַלקע האָר אויפן קאָפּ, מיט גילדענע „פּענסנע“, מעשה אַריסטאָקראַט, האָט „געשפּראָכן“

מער רוסיש ווי יידיש, קאָקעטירט מיט זיין ביסל פראַנצויזיש און לאַטיין, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היימישער גימנאַזיע. ער איז געווען דער טראַגיקער, ד. ה. דער דראַמאַטישער קינסטלער. שטאָלצירט האָט ער מיט זיין דראַמאַטישער קונסט, און זיך אַלע מאָל פאַרגליכן צו די גרעסטע רוסישע דאַמאָלטדיקע אַקטיאָרן.

ווען ער פלעגט זיך צודראַמעווען, האָט ער געשריגן מיט וויפיל כח ער האָט נאָר געהאַט, און געזונגען מיט דראַמאַטישע טענער, וואָס האָבן געקלונגען מער רוסיש ווי יידיש.

אָבער אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן איז ער געווען, און ער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען דאָס טעאַטער.

ער איז געווען אַ שוואַכער טאַלאַנט, און דערצו האָט ער נאָך געהאַט אַ הייזעריקע שטימע, אָבער דעם „בעל-תשובה" האָט ער גאָר נישקשהדיק געשפּילט און געהאַט גרויס ערפאָלג.

ווען ס'זיינען אָנגעקומען די אמתע אַרטיסטן מיט גרויסע נעמען פון רוסלאַנד: זילבערמאַן, היינע, קאַרפּ, וואַכטעל, באַראַדקין, לאַטיינער, סערא אַדלער, מאַדאַם זילבערמאַן, האָבן זיי פאַרטריבן די ברידער גאַלאַבאַק פון דער בינע.

די ברידער גאָלאָבאָק פּרובירן צו שפּילן אייניקע פאָרשטעלונגען אין קאָנקאָרדיע-טעאַטער.

דאָס איז געווען אַ גרויסער, לאַנגער ביר-סאַלון פון פאָרנט, און פון הינטען האָט זיך געפונען אַ זאַל מיט אַ קליינער בינע.

זייערע פאָרשטעלונגען זיינען שוואַך באַזוכט געוואָרן, און אַזוי האָבן זיי זיך געראַנגלט מיט זייער שיקזאַל אייניקע חדשים ביז זיי האָבן געמוזט אויפגעבן דעם קאַמף און זיך נעמען צו אַן אַנדערער פּרנסה.

אַזוי ווי זיי זיינען געווען פּאַפּיראָסן-מאַכער אין אָדעס, האָבן זיי זיך צוריק אַ נעם געטאָן צו זייער אַלטער פּרנסה, זיי האָבן ביידע געאַרבעט סיגאַרעטן אין יאַקאָבים סיגאַרעטן-פאַבריק".

שפּעטער אַרבעטן זיי אין אַ העמדער-פאַבריק צוזאַמען מיט ישראל באַרסקי. טאָמאַשעווסקי באַוועגט זיי צו וואַרפן די אַרבעט און פאָרן שפּילן טעאַטער אין שיקאַגאָ. דאָרט ענדיקט זיך ג.'ס בינע-קאַריערע: ער קומט צוריק אין ניו-יאָרק, ווערט אַ פּאָליטישן, אַן איבערזעצער אין אַ ברוקלינער געריכט, און גלייכצייטיק אַן ערפאָלגרייכער פאַרזיכערונגס-אַגענט.

דעם 30 אויגוסט 1921 איז ג. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק און געקומען צו זיין אייביקער רו אויפן וואַשינגטאָן בית-עולם.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." II, זז. 15, 16, 24.

באָריס טאָמאַשעווסקי — „טהאָמאַשעווסקי'ס טעאַטער שריפטען", זז. 9, 13, 22.

באָריס טאָמאַשעווסקי — אַמאָליגע אידישע אַקטיאָרען וואָס האָבען געשפּילט מיט ערפאָלג און זיינען אַוועק פון טעאַטער. „פאָרוו.", 18 אויג. 1923.

גאָלובטשיק, סאָניע

[גרענשטאַט]

געב. 1893 אין וועלנדיק, זשיטאָמ. גוב., אוקראַאינע. זייט 1908 אָנגעהויבן שפּילן, צוערשט אין די טרופּעס פון סאַבסיי, גענפער, ליפּאָווסקי, דערנאָך אין קאָלעקטיוו פון וואַרשעווער יידישן אַרטיסטן-פאַריין.

זייט 1921 געפינט זיך ג. מיט איר מאַן, אברהם גאָלובטשיק, אַ דיריגענט, אין אַרגענטינע, וואו זי שפּילט אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער און געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט די גאַסטראָלערן טאָמאַשעווסקי, שיינ-

גאָלד, זאַסלאַווסקי, סאָקאָלאָוו און מאַרעווסקי.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער און קאָמישע אַלטע.

ש. ע. פון יעקב באַטאַשאַנסקי.

גאַלינסקי, ברוך

[געב... — געשט... 1905 [?]]

זאָל זיין אַ באָברויסקער. עלטערן — קצבים, זייער פרומע. איז אָנגעגאַנגען אַלס אינטעליגענט. אָנגעהויבן זיין בינע-קאַריערע אַלס כאָריסט ביי גענפערן, דערנאָך דאָרט געוואָרן אַן אַקטיאָר, שפּעטער אַליין אַרומגעפאָרן איבער די קליינע שטעטלעך פון תחום-המושב אַלס דירעקטאָר מיט אַ קליינער טרופּע.

ג. פלעגט שפּילן ליבהאָבער-ראָלן, און האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער מחשבה צו שאַפן אַ יידיש קונסט-טעאַטער. אין 1904 איז ג. משוגע געוואָרן אין אָדעס, און געווען אַ יאָר אין אַ משוגעים-הויז. קורץ נאָכדעם ווי מען האָט אים פון דאָרט באַפרייט, איז ער אין 1905 באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך אַרונטערוואַרפן זיך אונטער אַ באַן.

מ. ע. פון ראָזאַ גאַר, אַניוטאַ באַט און שלמה קרויזע.

גאַלינסקי, פאַליאַ

[שלוגליט]

געבוירן אין זשיטאָמיר [?], אוקראַאינע. זייער אַ שיינע, געהאַט אַ גוטע שטים און געשפּילט אין איר מאַנס טרופּע.

מ. ע. פון ראָזאַ גאַר און אַניוטאַ באַט.

גאָלצאַווא, העלענא

[הערצבלוט]

געב. 28 מאַי 1903 אין אָדעס, אוקראַאינע. עלטערן — מיל-באַזיצער. געלערנט אין גימנאַזיע, און אַרויסווייזנדיק אַ נייגונג צו דער בינע, טרעט זי אַריין אין לאַרענצאָס רוסישער דראַמאַטישער שול.

אין 1918 הויבט זי אָן אַרויסצוטרעטן אויף דער רוסישער בינע, און נאָך דער רעוואָלוציע וואַנדערט זי אויס קיין רומעניע, וואו עס זעט זי שפּילן מישע פישזאָן. ער לערנט זי אויס יידיש און נעמט זי אַריין צו זיך אין טרופּע, פון דאָרט גייט זי איבער אין דער גאַסטראָלירנדיקער ווינער „פרייער פאָלקסבינע", דערנאָך שפּילט זי מיט די פאַרשיידענע גאַסטראָלערן, וועלכע איר מאַן, פרידמאַן, ברענגט פון אַמעריקע, שפּעטער שפּילט זי אין פאַרשיידענע שטעט אין אייראָפּע, לעצטנס אין פאַריז.

מ. ע. פון ר. פרידמאַן.

גאַניקמאַן, יצחק

[געב. 1876 — געשט. 28 נאָוו. 1919]

געבוירן 1876 אין בריטשאַן, בעסאַראַביע. 1893 געקומען אין ניו-יאָרק. דאָ געוואָרן אַ שניידער פון דאַמען-מאַנטלען, זיך אויך אינטערעסירט מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. שפּעטער שטודירט יורי, אין 1901 געוואָרן טעטיק אין דער יידישער זשורנאַליסטיק, און דערנאָך פאַרעפנטלעכט אין דער „וואַרהייט" פיל אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער, אָנפירנדיק אַ קאַמף פאַר אַ בעסער יידיש טעאַטער. אין 1900 איבערזעצט צוזאַמען מיט

דר. ק. פאַרנבערג זאָלאַם דראַמע „טערעזע ראַקען“ פאַר קעני ליפּצין.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, I, זז. 494-497.

נ. ב. ל. — זייער גייסט איז נאָך מיט אונז, „דער טאָג“, נ. י. 28 נאָוועמבער 1919.

גאַסטווירט, הענרי מ.

איז איניקע יאָר געווען פאַרבונדן מיטן ניו-יאָרקער יידישן טעאַטער אַלס איבערזעצער און באַארבעטער פון פּיעסן. אין 1909 איז אויפגעפירט געוואָרן זיין איבערזעצונג „דער ליבּ און די מויז“ פון טשאַרלז קליין, אין 1910 — זיינע איבערזעצונגען „מאַדאַם עקס“ פון אַל. ביסאָן און „דער משומד“ פון הערמאַן רייבאַך. אין 1911 — זיין איבערזעצונג „יעדע פרוי“ פון וואַלטער בראַון [„יעדע פרוי וויא זיא זוכט ליעבע“ אין 5 געזאַנגע, 1911, ניו-יאָרק, 46, ז. 16°], אין 1913 — זיין איבערזעצונג „אויפן געזעצלעכן וועג“ פון באַיאַרד ווײלער, זיין אָריגינעלע קאָמעדיע „דער גרינער מלמד“ (געשפּילט אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער), זיין איבערזעצונג „ליכט אין דער פינסטערניש“ [„מאַכט פון פינסטערניש“] פון ל. טאָלסטאָי, און זיין איבערזעצונג „מיין שולד“. אין 1917 איז אויפגעפירט געוואָרן זיינע און מ. גאָלדבערגס קאָמעדיע „דער שדכן“, און אין 1921 — זיין איבערזעצונג פון וו. סעמועלס „דער וואַנדערער“.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ (רשימה פון פּיעסן).

גאָרדאָן, הערש-לייב

געב. 26 נאָוועמבער 1893 אין דוגעלישאָק, ווילנער געגנט, פּויליש-ליטע. פאָטער — רב. ביז 9 יאָר געלערנט ביים פאָטער, דערנאָך אין די ישיבות פון סלאָבאָדקע, לידע און וואָלאָזשין, און געענדיקט דעם „בית מדרש לרבנים“ אין אָדעס. אַלס שליח פון „הצפירה“ און „דאָס לעבן“ געפאָרן קיין ארץ-ישראל, פון וואַנען ער ווערט בעת דער מלחמה אַרויסגעשיקט און וואַנדערט איבער עגיפּטען, איטאַליע, אַמעריקע און ווידער געקומען קיין א״י אַלס מיטגליד פון יידישן לעגיאָן. 1919 צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער האָט באַקומען די טיטלען דר. פילאָסאָפיע פון יעיל-אוניווערסיטעט אין ניו-הייווען און פון קאַטוילישן אוניווערסיטעט אין וואַשינגטאָן און מאַגיסטער פון דער דיפּלאָמאַטישער קונסט פון „אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט“ אין וואַשינגטאָן.

ג. האָט דעביוטירט אין 1912 אין אָדעסער „דער איד“ און זייט דאַמאָלט פאַרעפנטלעכט פיל זאַכן אין דער פּעריאָדישער פּרעסע.

אין מערץ 1919 האָט ג. אויפגעפירט אויף יידיש אין אַמפיטעאַטער פון יידישן לעגיאָן נעבן לוד (ארץ-ישראל) זיין איינאַקטער „דאָס אייביקע ליד“, ניט געקוקט אויף די פּראָטעסטן פון פיל ארץ-ישראלדיקע אָרגאַניזאַציעס. אין „אונזער בוך“, נ. י., מערץ-אַפּריל 1929 האָט ג. פאַרעפנטלעכט זיין איינאַקטער „צום פאַרבאָרגענעם שיין“.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 501-504.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג“, ווילנע, 1928 ז. 145.

גאָרדאָן, נ.

אַ שניידער-אַרבעטער אין מינסק, האָט אָנגעשריבן די איינאַקטיקע קאָמעדיעס: „אַרבקאָרישע צאָרעס“, „דער בריס“, „פיזקולטור“, וואָס שטעלן פאָר דעם נייעם לעבנסשטייגער אין ראַטנפאַרבאַנד.

אַלע איינאַקטערס זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין מינסקער אַרבעטער-קלובן, און זיינען א״נ „פון נייעם שטייגער“, אַ זאַמלונג איינאַקטערס, דערשינען אין פאַרלאַג ווייסרוסלענדישע אָפּטיילונג „שול און בוך“, מינסק 1925 [זז. 36, 16°], אַרויסגעגעבן דורך דער מינסקער אַרבקאָרנביוראָ, מיט אַ קורצער הקדמה.

גאָרדין, יעקב

[געב. 1 מאַי, 1853 — געשט. 10 יוני 1909]

געבוירן 1 מאַי 1853 אין מירגאָראָד, פּאָלטאַווער גוב., אוקראַאינע, אין אַן אנגעזעענער, פאַרמעגלעכער פאַמיליע. זיין פאָטער, יחיאל מיכל הלוי, אַ הענדלער, איז געווען אַ האַלבער משכיל און אַ האַלבער חבדניק און האָט דערצויגן זיין זון אין גייסט פון דער השכלה ווי אין אַלט-טראַדיציאָנעליידישן שטייגער.

ג. האָט ניט באַקומען קיין סיסטעמאַטישע בילדונג. לויט ב. גאָרין האָט ג. געהאַט אַ גוטע ידיעה אין העברעאיש, הגם דער פּיעסן-שרייבער מיכל גאָלדבערג, וועלכער איז שפּעטער געווען אַ בן-בית ביי ג. אין אַמעריקע, בעת ער האָט שוין געשריבן פאַרן יידישן טעאַטער — לייקנט עס אָפּ.

ג. האָט פלייסיק געלייענט און שטודירט די רוסישע ליטעראַטור. אַ באַזונדערן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט פּעלאָם בוך „טעלעמאַק“, וועלכעס ער האָט פיל מאָל געלייענט, און די רוסישע איבערזעצונג פון ענגלישן ראָמאַן „וואָס וועט ער טאָן דערמיט?“ פון בולווער ליטטאָן, וועלכן ער האָט אויסגעלערנט אויף אויסווייניק.

אין עלטער פון 17 יאָר הייבט אָן ג. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין רוסישע פּראָווינץ-צייטונגען. צו 19 יאָר האָט ער חתונה און, פאַרלירנדיק דעם נדן, לאָזט ער זיך וואַנדערן, ווערט אַן ערד-אַרבעטער, דערנאָך אַ שיף-אַרבעטער אין אָדעסער פּאָרט, שפּילט אַלס אַקטיאָר אין אַ רוסישער וואַנדער-טרופּע [לויט ב. גאָרין האָט גאָרדין ביז זיין קומען אין אַמעריקע קיין שום שיכות ניט געהאַט מיט דער בינע] און ווערט אַ לערער. צו יענער צייט הייבט ער אויך אָן, א״פ יאַקאָוו מיכיילאָוויטש, איוואַן קאָליוטשי [דער שטעכעדיקער], א. אַ. סיסטעמאַטיש מיטצואַרבעטן אין דער דרום-רוסישער פּרעסע: „אָדעסקי וויעסטניק“, „נאָוואָראָסיסקי טעלעגראַף“ און „פּראַוודאַ“, ווערט אויך אומאָפיציעלער רעדאַקטאָר פון די רוסישע צייטונגען „יעליסאַוועטגראַדסקי וויעסטניק“ און „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי“ און שרייבט דערציילונגען פאַר דער אוקראַאינישער צייטונג „זאַריאַ“, וועלכע אַן אוקראַאינישע גרופּע האָט אַרויסגעגעבן.

1880 האָט ג. אָנגעהויבן דרוקן אין פּעטערבורגער רוסישן זשורנאַל „ניעדיעלאַ“ דערציילונגען און בילדער פון יידישן לעבן, באַזונדערס פון די יידישע שטונדיסטן, מיט וועלכע ער האָט זיך באַקענט אין יעליסאַוועטגראַד און אויך טעאַטער-קריטיק א״פ „יאַן“. אַ שטאַרקע השפּעה האָט אויף ג. געהאַט דער שטונדיסט מיכיילאָוויטש. דורכגעדרונגען מיט טאָלסטאָיס רעליגיעזע און סאָציאַלע אידעען און באַטראַכטנדיק דאָס טראַדיציאָנעלע יידישקייט פון אַסימיליאַטאָריש-ראַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט, איז ג. געקומען צום געדאַנק אַריבערצוטראָגן די פּרינציפּן פון שטונדיזם אין יידנטום, רעפאָרמירן דעם גאַנצן יידישן לעבנס-שטייגער, פאַרוואַנדלען די יידישע רעליגיע אין אַ ראַציאָנאַליסטישער, עטיש-סאָציאַלער לערע אויפן יסוד פון ריינעם ביבלישן יודאַאיזם און אומקערן די יידישע מאַסן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט האַנדל און לופט-געשעפטן, צו פיזישער אַרבעט, דער עיקר צו ערד-אַרבעט. אין דעם האָט ג. געזען די איינציקע לעזונג פון דער יידן-פראַגע.

כדי צו פּראָפּאַגאַנדירן דידאָזיקע אידעען, האָט ג. מיט איניקע פון זיינע אנהענגער געגרינדעט אין יעליסאַוועטגראַד אין יאַנואַר 1880

די „דוכאָוונאָיע ביבלעיסקאָיע בראַטסטוואָ“ [„גייסטליך-ביבלישע ברודערשאַפט“], וואו ער אַליין האָט גענומען דעם אַקטיווסטן אָנטייל.

די אָרגאַניזאַציע האָט אָנערקענט די רעליגיע נאָר אַלס קאָמפּלעקס פון עטישע נאָרמען, האָט געלייקנט אין אַלע דאָגמעס, אין השארת הנפש, האָט אַנולירט דעם גאַנצן רעליגיעזן ריטואַל, דעם צערעמאָניאַל פון חתונה און ברית-מילה און געהאַלטן זיך נאָר ביים תנ״ך מיט אַ פרייער אויסטייטשונג אין גייסט פון דער צייט און פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט.

נאָך די פּאָגראָמען אין 1881 איז די אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט באַלד פון אָנהייב אָן אַרויסגערופן אַ שטאַרקע געגנערשאַפט אין די יידישע קרייזן, זיך פונאַנדערגעפאַלן.

ג. פּרובט איצט צוזאַמען מיט איייניקע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע גרינדן אַ יידישע קאָלאָניע אַלס מוסטער פאַר די רוסישע יידן, אָבער די רוסישע רעגירונג דערלויבט נישט צו קויפן ערד פאַר דער קאָלאָניע און דער פּעטערבורגער פאָנד פון יידישן נגיד פּאָליאַקאָוו זאָגט זיך אָפּ צו געבן די נויטיקע געלט-שטיצע. איז ג. אַליין אַוועק אין אַ דאָרף און דאָרט 3 יאָר באַאַרבעט די ערד. צוריקגעקומען 1884 אין יעקאַטערינאָסלאַוו, האָט ער צוזאַמען מיט אַננאַ פּאָקסאַראָוו און גר. בערנשטיין באַנייט די פריערדיקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז דעם 24 יאַנואַר 1885 לעגאַליזירט געוואָרן. אין „געבעט-הויז“ פון דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע פלעגן אַלע שבת פאָרקומען פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע ג. און אַנדערע פלעגן דרשהנען פּסוקים פון תנ״ך אין גייסט פון טאָלסטאָיאַניזם.

ג.'ן איז אויך געלונגען צו גרינדן אין אָדעס אַ קרייז „שטונדיסטן“, וואו מ. ל. לילענבלום פלעגט אָפּט אַרויסטרעטן מיט אַ שאַרפער קריטיק קעגן די סעקטאַנטן. [נאָך ג.'ס טויט האָט לילענבלום פאַרעפנטלעכט אין פּעטערבורגער „דער פריינד“ אַ שאַרפן אַרטיקל קעגן ג., דערמאָנענדיק אים אין זיינע „חטאת נעורים“.]. אַ גרויסן טייל פון אָט די אידעען האָט שפּעטער ג. זיך באַמיט אַריינצופירן אין זיינע דראַמען.

1889 איז ג. געווען איינער פון די מיטגרינדער פון דער קליינער קאָלאָניע פון דעם טאָלסטאָיאַנער פיינערמאַן [טענערעמאָ], אָבער צוליב זייער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פּויערים, פאַרוועט די רעגירונג די טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע און ג. וואַנדערט אויס קיין אַמעריקע מיטן פּלאַן, צו גרינדן דאָרט אַ קאָלאָניע אויף קאָמוניסטישע יסודות.

ווי ג. דערציילט אין זיינע זכרונות אין ח. י. מיניקעס' „דיא אידישע ביהנע“, איז ער אָנגעקומען אין ניו-יאָרק דעם 31 יולי 1891. דאָ קומט ער באַלד אין באַרירונג מיט דער יידיש-סאָציאַליסטישער קאָלאָניע און הגם ער קען שוואַך יידיש, טרעט ער אַריין אַרבעטן אין זייער דאַמאָלטיקן וואָכנבלאַט „דיא אַרבייטער-צייטונג“. דעם 21 אויגוסט 1891 איז דאָרט פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע זאַך אין יידיש: דאָס איז אַ כלומרשטער פראַגמענט פון אַ פּריוואַטן בריוו פון רוסלאַנד „דער פּאָגראָם אין עליזאַוועטגראַד“, אונטערגעשריבן „יעקב בן מכל“. דעם 4 סעפּטעמבער 1891 ווערט דאָרט אָפּגעדרוקט (שוין אונטער ג.'ס אייגענעם נאָמען): „דיא אָבלאַווע — אויס דעם אידישען לעבען אין רוסלאַנד“.

דעם 11 סעפּטעמבער 1891 האָט ג. דאָרט פאַרעפנטלעכט זיין „פּאַנטאָלע פּאַלגע פאַר דעם בית-דין של מעלה“, וועלכעס איז דורך רודאָלף מאַרקס [אין זיין אייגענער „בינע-באַאַרבעטונג“ אַלס מאָנאָלאָג] „פאַרגעשטעלט“ געוואָרן דעם 26 נאָוועמבער 1891 אין רומעניע-אָפּערע-הויז אויף אַ בענעפיס-פאָרשטעלונג פאַר „דיא אַרבייטער-צייטונג“.

„פּאַנטאַלע פּאָלגע“, וואָס שילדערט אַן אָרעמען שניידער אויף יענער וועלט, וועלכער קלאָגט זיך פאַר דער עקספּלאָאַטאַציע אויף דער וועלט, פלעגט יאָרן לאַנג שפּעטער „אויפגעפירט“ ווערן דורך מאַרקסן אויף פאַרשיידענע אָוונטן פון די ראַדיקאַלע קרייזן אָדער די ניי-געגרינדעטע יוניעס.

אָבער „דיא אַרבייטער צייטונג“ האָט [לויט אַב. קאַהאַן] ניט געקאָנט צאָלן אַזאַ סומע, אַז ג. זאָל קאָנען דערפון אויסהאַלטן זיין גרויסע פאַמיליע. פיליפּ קראַנץ ראָט אים דעריבער אָנצושרייבן אַ פּיעסע פאַרן יידישן טעאַטער. צו דעם צוועק פירט ער צונויף ג. מיט יעקב פּ. אַדלער און זיגמונד מאָגולעסקאָ — און ג. נעמט שרייבן זיין ערשטע דראַמע: „סיביריאַ“.

י. פּ. אַדלער, וועלכער האָט אויפגעפירט „סיביריאַ“, דערציילט וועגן דעם [לויט „יעקב פּ. אַדלער“ פון ס. דינגאַל]: „איין אָוונט האָב איך זיך געטראָפן מיט גאָרדינען אין אַ ויין-קעלער אויף דער איסט סייד, וואו די דאַמאָלטיקע גאַנצע יידישע אינטעליגענץ פלעגט קומען. ווי געוויינלעך האָב איך הויך אויסגעדריקט מיין זאָרג וועגן אַ פּיעסע צום שפּילן און קוקנדיק אויף גאָרדינען, האָב איך אַ זאָג געטאָן: „אפשר וואָלט איר פאַר מיר אָנגעשריבן אַ פּיעסע?“. איך האָב געהאַלטן אין קעשענע אַ דייטשן ביכל — עפּעס אַ דראַמע, גיב איך עס גאָרדינען און זאָג אים: „אָט האָט איר אַ פאַרטיקע זאַך — אָט, מאַכט מיר דערפון אַ יידישע פּיעסע. גאָרדין האָט מיט אַ פיינעם זשעסט מיר צוריקגעקערט דאָס דייטשע ביכל און געענטפערט: „ניין, אויב שרייבן אַ פּיעסע, וועל איך אייך שרייבן אַ י י ד י ש ע פּיעסע, ניט קיין דייטשע פּיעסע מיט יידישע נעמען“.

„גאָרדין האָט געהאַלטן ביי זיך אַ רוסישע צייטונג. ער האָט דאָרט געלייענט אַ געשיכטע פון איינעם, וואָס מען האָט פאַרשיקט קיין סיביר. ער איז פון דאָרט אַנטלאָפן און מען האָט אים צוריקגעקערט. „אָט דאָ האָט איר אַ סוזשעט פאַר אַ פּיעסע“, — האָט גאָרדין צו מיר געזאָגט, און אַזוי איז געבוירן געוואָרן די פּיעסע „סיביריאַ“, פאַר וועלכער גאָרדין האָט באַקומען 100 דאָלאַר“.

וואָס פאַר אַ באַגריף ג. האָט דאַמאָלט געהאַט וועגן יידישן טעאַטער, קאָן מען זען פון זיינע זכרונות: „איך בין געווען זייער נייגיריק צו זען אַ יידישן אַקטיאָר, צו זען וואָס איז דאָס פאַר אַ חיה?... איך האָב געמיינט, אַז ווי איך וועל נאָר אַרויסזאָגן, אַז איך וויל שרייבן אַ דראַמע, וועט דער יידישער אַקטיאָר שוין אָנהייבן שפּילן אַ ראָלע: ער וועט אָפּווישן דעם נאָז מיטן אַרבל, וועט אַרויפשפּרינגען אויף אַ בענקל און וועט דעקלאַמירן איינע פון די פּאָפּולערסטע פאָלקס-געדיכטע, ווי צום ביישפּיל:

„ציגעלע, מיגעלע, קאָטינקע, רויטע פּאָמעראַנצן
ווען דער טאַטע שלאָגט די מאַמען, גייען די קינדער טאַנצן“

„שטעלט זיך פאָר, אַנשטאָט דעם האָב איך מיך באַגעגנט מיט איייניקע דזשענטלייט, וועלכע האָבן ניט נאָר געטראָגן „סילק העטס“ [צילינדערס] און האָבן געהאַט נאָז-טיכלעך, נאָר וועלכע האָבן גערעדט צו דער זאַך. ביי איייניקע פון זיי האָב איך געזען אויגן דורך וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעזען דער פונק פון טאַלאַנט. אויף די פּנימער האָב איך געזען דעם אויסדרוק פון אינטעלעקט, געדאַנק. אַזוי גאָר? — האָב איך געטראַכט — ווען דער יידישער שוישפּילער איז אַזאַ מענטש ווי די שוישפּילער פון דער גרויסער אַלוועלטלעכער בינע, טאָ וואָרום זאָל אויך ניט זיין דער יידישער טעאַטער ווי אַלע טעאַטערע.“

אָבער וועגן זיין ערשטן באַזוך אין יידישן טעאַטער דערציילט ער: „... אַלץ וואָס איך האָב געהערט און געזען, איז געווען ווייט פון יידישן לעבן, גראָב, אומעסטעטיש, פאַלש, געמיין און פאַרדאָרבן. אוי, אוי, אוי! — האָב איך מיר געטראַכט און בין אַוועק-

געגאַנגען אַהיים און האָב מיך געזעצט שרייבן מיין ערשטע דראַמע, וועלכע מען האָט אויפן ברית אַ נאָמען געגעבן „סיביריאַ“. איך האָב געשריבן מיין ערשטע פּיעסע ווי אַ ירא שמים, אַ סופר, שרייבט אַ ספר-תורה. . . . אָבער, וואָס איז מכח קופּלעטן, ר׳ יענקל? . . . ווי קאָן זיין אַ יידישע דראַמע אָן קופּלעטן? — האָט מען מיר געזאָגט. קופּלעטן ווילט זיך אייך גאָר? — האָב איך געזאָגט — אָט טאָבי האַנדזיאַ קניש — און האָב זיי געגעבן אַ קופּלעט, אַ קופּלעט טאַקע מיטן נאָמען „אָט טאָבי האַנדזיאַ קניש“.

„ווען איך בין געגאַנגען לעזן מיין ערשטע פּיעסע, האָב איך מיטגענומען מיינע דריי לאַנדסלייטע אויך צו שטיין ביים טיר און וואַרטן, ווייל מען האָט מיר געזאָגט אַז אַלע יידישע אַקטיאָרן זיינען גנבים, רוצחים. זיי וועלן אַרויסכאַפּן ביי מיר די פּיעסע און אַנטלויפן. . . . אָבער, חס וחלילה, מען האָט מיר ניט פאַרגוואַלדיקט. אַלץ איז געגאַנגען בשלום ביז די פּראָבן האָבן זיך אָנגעפאַנגען. דאָס ערשטע האָט מען אָנגעהויבן שמועסן דערפון, אַז „אָט טאָבי האַנדזיאַ קניש“ איז נאָך ווייניק און מען דאַרף אַריינטאַנצן אַ קאַמאַרינסקי. ווידער האָט מען מיין פּיעסע פאַרדייטשט און מיין העלד ראָזענקראַנץ, אַנשטאָט די איינפאַכע ווערטער: „ר׳ בערל טאַרעטוטאַ, פאַרוואָס ווילט איר מיך אומגליקלעך מאַכן?“, האָט אויסגעשאָסן ביינאַהע אַזאַ מאָנאָלאָג: „היכוועַרדיקער הער באַרעל טאַרעטוטיע, ווען דער לעווע פאַנגט אָן צו ברומען אין זיין קעפיג, ווען דער טיגער קנאַקט אונד שפּרינגט, ווען די לעמפּערטן רייסען אונד בייסען, דאַן זאָל די גערעכטיקייט אין הימל טריאומפירען און די ריינע יידישע פּאַטריאָטישע געפילע זאָלן הילכען שמע ישראל“.

„נו, נו, האָב איך זיי געגעבן אַ מי שברך. אפילו לייבן און לעמפּערטן האָבן געציטערט און געטאַנצט פון שמחה און געזונגען קדוש קדוש.

„די ערשטע צוויי פאָרשטעלונגען פון מיין ערשטער פּיעסע האָב איך ניט בייגעוואוינט, ווייל איך בין געווען קראַנק, נערוועז, באַליידיקט, אומצופרידן. מיט מיין ערשט-געבוירענעם דראַמאַטישן קינד האָב איך מיך באַקאַנט נאָר דאַן ווען איך האָב דערהאַלטן אַ בריוו מיט אַן אַנטשולדיקונג פון די הערן אַדלער, מאָגולעסקאָ, קעסלער און פיינמאַן“.

ג.׳ס ערשטע פּיעסע „סיביריאַ“ איז אויפגעפירט געוואָרן דעם 13 נאָוועמבער 1891 אין יוניאָן-טעאַטער מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„אברהם ראָזענקראַנץ“ — יעקב פּ. אַדלער.
„זיין פרוי“ — פּאולינא עדעלשטיין.
„זייער טאָכטער“ — סערא אַדלער
„לעווין, אַ לערער“ — זיגמונד פיינמאַן
„פאַניע“ — דיינע פיינמאַן.
„סאַמויל, אַ סטודענט“ — לעאָן בלאַנק.
„סאַבוראָוו, אַן אויספאָרשונגס-ריכטער“ — דוד קעסלער.
„בערל טאַראַטוטיע“ — צעזאַר גרינבערג.
„שפּענדיק, אַ דינער“ — זיגמונד מאָגולעסקאָ.

וועגן דער פּיעסע און איר אויפירונג שרייבט ב. גאָרין אין זיין „געשיכטע פון אידישען טעאַטער“: „שוין די ערשטע שטיק זיינע „סיביריאַ“ צייכנט זיך אויס מיט אַזאַ איינפאַכקייט, וואָס מען האָט ניט געזען אויף דער יידישער בינע צייט יידיש טעאַטער איז פאַרבאָטן געוואָרן אין רוסלאַנד. דער סוזשעט איז ניט קיין פאַרפּלאָנטערטער. . . . די פּערזאָנען, הגם ניט מער ווי שאָטנס, זיינען זיי אָבער שאָטנס פון לעבעדיקע מענטשן . . .

יעדער שפּעטערדיקער אַקט איז שטייף פאַרבונדן מיט דעם פריערדיקן און יעדע הפקרות פון אַ מחבר צי פון אַ שוישפּילער איז אָפּגעשאַפט. די ווערטער בינדן זיך איינס מיטן אַנדערן און מען פאַרשטייט וואָס אויף דער בינע קומט פאָר. אין טעאַטער דערהערט מען ווידער ריינעם מאַמע-לשון, נישט קיין יידיש מיט פּתחן, ניט קיין דייטשמעריש, נאָר אמתן „יידישן יידיש“.

„שוין אין זיין ערשטער דראַמע „סיביריאַ“ ווייזט זיך אַרויס גאָרדין מיט זיינע פעלערן, מיט זיינע מעלות, מיט זיין טענדענץ, מיט זיין אַנשויאונג, וועלכע ער בלייבט טריי די גאַנצע צייט פון זיין [שפּעטערדיקער] טעטיקייט אויף דער בינע. . . . „סיביריאַ“ איז געשריבן אין דעם גייסט פון השכלה. די פרומע יידן ווערן דאָ פאַרשפּאָט און די היינטוועלטיקע ווערן אַרויסגעשטעלט אין אַ פיינעם ליכט. . . . די גאַנצע טראַגעדיע פון „סיביריאַ“ איז געשטיצט אויף מסירה און אכזריות און די פּיעסע איז דורכגעדרונגען מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן דעם. דאָס איז די אידעע, וואָס האָט דעם שטיק געגעבן לעבן און וואָס האָט געמאַכט דעם צושויער נאָכדענקן ווען ער איז אַרויס פון טעאַטער.

„אַ נייער אויפטו פון גאָרדינען איז געווען צו פאַרטרייבן פון דער בינע די שאַבלאָנע קאָמיקער און אַריינגעבן לעבן אין דעם קאָמישן עלעמענט. . . . [ער] זאָל האָבן מער אָדער ווייניקער אַן ענלעכקייט צו לעבעדיקע מענטשן.

„נאָך מער פון אַלץ ווייזט „סיביריאַ“, אַז גאָרדין האָט געהאַט דעם דראַמאַטישן חוש אויפצובויען אַ סיטואַציע, וואָס זאָל פּאַקן דעם צושויער. . . . פאַרוואָס גאָרדינען איז באַשערט געווען צו ווערן דער רעפאָרמאַטאָר פון דעם יידישן טעאַטער. . . . דער דראַמאַטישער חוש איז אין יענער צייט געווען ביי אים פיל שטאַרקער ווי דער דראַמאַטישער טאַלאַנט און דאָס האָט אים געהאָלפן צו געווינען חן ביי די אַקטיאָרן און ביים בעסערן טייל פון די שטענדיקע טעאַטער-באַזוכער.

„דאָס ערשטע שטיק „סיביריאַ“ האָט אויף דעם געוויינלעכן טעאַטער-באַזוכער קיין גרויסן רושם ניט געמאַכט, נאָר זי האָט אין טעאַטער געבראַכט אַזעלכע מענטשן, וואָס מען האָט דאָרטן פריער ניט געזען. דאָס פּובליקום האָט באַקומען אַ צופאַרבונג פון דער אינטעליגענץ און דער קרייז פון די טעאַטער-באַזוכער איז באַדייטנד פאַרגרעסערט געוואָרן. . . . זיי האָבן מיט די אויגן געזען ווי דער נעכטיקער באַלאַגאַן ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טעאַטער און ווי די נעכטיקע קאָמעדיאַנטשיקעס ווייזן אַלע סימנים פון אמתע קינסטלער“.

אב. קאַהאַן שרייבט וועגן דער אויפירונג [אין זיין רעצענזיע אין „דיא אַרבייטער-צייטונג“]: „ווי גרויס און ברייט אירע פעלערן זאָלן ניט זיין, עס איז אָבער דאָך אַ טאַלאַנטפולעס וואָר-ליטעראַרישעס ווערק. אויף דער יידישער בינע שטייט זי אָפּגעזונדערט פון אַלע איבריקע דראַמאַטישע ווערק, וואָס זיינען ספּעציעל געשריבן פון יידישע דראַמאַטורגן“. און אין זיינע „בלעטער פון מיין לעבען“: „מיט דיזער פּיעסע האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער בינע. . . . ווען מען וואָלט זיין „סיביר“ געשטעלט היינט, וואָלט די פּיעסע איינשטימיק ערקלערט געוואָרן פאַר אַ מעלאָדראַמע און פאַר אַ גאַנץ שוואַכע זאַך, הגם דראַמאַטיש איז זי זייער. דאַן אָבער איז אַזאַ פּיעסע אויף דער יידישער בינע געווען אַ נייעס. . . . זיין [ג.׳ס] נאָמען איז אָבער גלייך פעסטגעשטעלט געוואָרן און זיין פּערזענלעכקייט האָט זיך גענומען שטאַרק פילן. . . . מיט זיין שטאָלצער, רעספּעקט-פאָדערנדער נאַטור האָט ער די אַקטיאָרן געהאַלטן פון ווייטן און זאָגאַר אין פורכט.“

לעאָן בלאַנק, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין דער אויפירונג

פון דער פיעסע, דערציילט [לויט די „עראינערונגען פון א אידישען דראמאטורג" פון לעאן קאברין]: „אויסער אדלערן איז קיינער פון דער קאמפאניע [מאגולעסקא, קעסלער, פיינמאן, בלאנק און אנדערע] ניט באגייסטערט געווען פון דער פיעסע. . . . האבן כמעט אלע אקטיארן, אויסער אדלערן, געמאכט חוזק פון דער פיעסע און מאגולעסקא האט גאר ערקלערט: „אט דער ייד, דער פאניע, מיט דער שווארצער בארד, איז, דאכט זיך מיר, גאר אן אנטיסעמיט!... מאגולעסקא האט נאך אן אנדער אורזאך געהאט צו זיין ניט צופרידן מיט דער פיעסע, מחמת דער קאמישער העלד דארט, „דער משרת פענדיק", איז אויך גארנישט ענלעך געווען צו די קאמישע ראלן, וואס ער איז געוואוינט געווען צו שפילן אין די פריערדיקע פיעסען. . . . א גאנצע וואך האט זיך גארדין ניט באוויזן אויף די פראבן. . . . פרייטאג, צו דער גענעראל-פראבע, איז ער געקומען. ער טוט א קוק: אינם ערשטן אקט זינגט קעסלער מיטן כאר א גאנצע אפערע. פרעגט ער: „וואס איז דאס?", ערקלערט מען אים: היות ווי קעסלער [אין דער ראל פון „סאבוראוו"] דארף זיך גרייטן צו א קאנצערט פאר דעם „רויטן קרייץ", פאסט זיך פאר א סלעדאוואטעל צו זינגען עפעס ליטישע מוזיק, האט דערפאר מאגולעסקא איינשטודירט מיט אים פון דער אפערע „רענאני" [„ערנאני"]. טוט זיך גארדין א גלעט די בארד און זאגט „לאדנא" [גוט]. מאכט מען דערנאך פראבע פון דעם דריטן אקט. מיט אמאל שפרינגט ארויס מאגולעסקא, וועלכער שפילט דעם „משרת שפענדיק", מיט א טענצל און א קופלעטל, וואס ער אליין האט פארפאסט. גארדין שטעלט אן אויף אים זיינע ביסטרע אויגן: „וואס איז דאס? — שרייט ער —טשטא עטא זא סווינסטווא? (וואס איז דאס פארע שוויינעריי?). ענטפערט מען אים: „א קאמיקער, ער מוז דאך עפעס זינגען און טאנצן . . . ". „ניע פאזוואליו, מערזאווצי! — שרייט גארדין — ער וועט ניט דערלויבן". איז מאגולעסקא אויך ארויס פון די כלים און ענטפערט, ווייזנדיק אים א פייג: „וואט טעביע, האנטשי, קניש!" [דער נאמען פון ג.'ס קופלעט]. באקומט ער צוריק פון גארדינען נאך א הארבערן ווארט און מאגולעסקא ווידער צוריק און קעסלער און פיינמאן מישן זיך אויך אריין, האלטן מיט מאגולעסקא, בלויז איין אדלער האלט מיט גארדינען. צום סוף דערגרייכט דער סקאנדאל צווישן גארדינען און מאגולעסקאן ביז צו דער העכסטער מדרגה. מאגולעסקא שרייט צו אים: „ארויס, דו שווארצע בארד, דו אנטיסעמיט, דיין דוך זאל אין טעאטער ניט זיין!". און מען האט גארדינען פון טעאטער ארויסגעטריבן. נאך מער: צו דער ערשטער פארשטעלונג פון זיין „סיביריא" האט גארדין זיך ניט געטארט באוויזן אין טעאטער, מחמת מאגולעסקא האט ערקלערט, אויב גארדין קומט וועט ער ניט שפילן. און גארדין איז אין טעאטער ניט געקומען צו דער ערשטער פארשטעלונג פון זיין ערשטער פיעסע.

„די ערשטע צוויי אקטן פון דער פיעסע זיינען שרעקלעך דורכגעפאלן. דער עולם האט געהוקעט און געשיקעט און געלאכט פון דער פיעסע און פון די אקטיארן. אדלער האט זיך געפילט אמת אומגליקלעך. נאכן צווייטן אקט איז ער ערשינען פאר דעם עולם און מיט אמתע טרערן אינם קול האט ער געהאלטן, ווי בלאנק גיט מיר איבער, אומגעפער אזא רעדע:

„—פארשעמט און ערנידעריקט שטיי איך, דעם קאפ איינגעבויגן פאר בושה, וואס איר, גאספאדא [צום פובליקום], קאנט ניט פארשטיין אזא מייסטערווערק פונם בארימטן רוסישן פיסאטעל יאקאוו מיכיילאוויטש גארדין. גאספאדא, גאספאדא, ווען איר וואלט פארשטאנען וואס פאר א גרויס ווערק מיר שפילן היינט פאר אייך, וואלט איר ניט געלאכט און ניט געהוקעט.

„און דא האט זיך אדלער צעוויינט אויפן קול. אויף דעם פובליקום האט עס געמאכט א שטארקן איינדרוק און עס האט אים שטארק אפלאדירט. דערנאך האט מען גענומען שפילן דעם דריטן אקט. דאס פובליקום האט זיך געענדערט און אין דער סצענע, ווען אדלער-ראזענצווייג איז געקומען צו בערל טאראטוטיע זיך בעטן ער זאל רחמנות האבן אויף אים און זאל אים ניט מסרן, איז יום-כפור געווארן אין טעאטער . . . און נאך דעם דריטן אקט, ווען דער פארהאנג איז געפאלן, האט דער עולם ווידער שטארק אפלאדירט. און נאך מער האט אויסגענומען ביים עולם די סצענע אין דעם עפילאג פון „סיביריא", וואס מען האט דאמאלט געשפילט, בעת מען פארשיקט ראזענצווייגן צוריק אויף קאטארגע און זיין משרת שפענדיק געזעגנט זיך מיט אים. ווען מאגולעסקא-שפענדיק האט דאן ארויסגערעדט: „כאזיאאין, מיר צעשיידן זיך", האט ער אליין זיך אזוי צעוויינט, אז ער האט ווייטער ניט געקאנט ריידן. דער גרויסער קינסטלער האט אזוי געשפילט די דאזיקע קאמישע סצענע, אז פון צווישן עולם אינם טעאטער האט זיך דערהערט א יאמערן אויפן קול. . . . דערדאזיקער דערפאלג האט באוואויגן מאגולעסקאן איבערצובעטן גארדינען... שבת איז גארדין געקומען אין טעאטער און האט געזען צום ערשטן מאל זיין פיעסע. און דער עולם צוזאמען מיט די אקטיארן האבן אים געמאכט אן אוואציע".

בעסי טאמאשעווסקי דערציילט [אין איר בוך „מיין לעבענס-געשיכטע"]: „. . . ווערט פונאנדערגעטראגן אין אונזער טעאטער-וועלטל, אז אין „יוניאן טעאטער" האט מען אויפגעפירט א פיעסע, איז דאס עפעס א מאדנע פיעסע. מען רעדט דארט ווי פראסטע מענטשן ריידן ביי זיך אין דער היים, גארנישט ווי אקטיארן „דארפן" ריידן. עס טומלט זיך וועגן אט דער מאדנער פיעסע, אבער נאך מער טומלט זיך וועגן דעם נייעם פערפאסער. יעדער איינער דערציילט אן אנדערע סברה. און אלע אקטיארן זיינען נייגיריק צו גיין אין „יוניאן טעאטער" זען ווי שפילט מען עפעס א פיעסע, וואו מען רעדט ווי איינפאכע מענטשן. . . . אבער דער הויפט שרעק איז אויף אלעמען געווען וואס דער מיסטער גארדין, האט מען געזאגט, איז א מבין אויף טעאטער און איז אזא אינטעליגענט. פאר אן „אינטעליגענט" האבן זיך די יידישע אקטיארן דאן זייער געשראקן. . . . איך בין אוועק אין „יוניאן טעאטער" זען די נייע מאדנע פיעסע „סיביריא". אזוי ווי מיינע דערווארטונגען זיינען געווען איבערנאטירלעך גרויסע, בין איך, פארשטייט זיך, געווארן עטוואס דיסאפאינטעד [אנטוישט]. די פיעסע איז געווען „א טרוקענע", דאס הייסט א דראמע, אדער א לעבנסבילד, אן די אלע „טרימינגס" [באפוצונגען], וואס איך בין געווען געוואוינט צו זען אין לאטיינערס פיעסען. . . . דערפאר האב איך אנגעקוואלן פון דער „פראזא". . . . די פיעסע האט קיין גרויסן רושם אויפן פובליקום ניט געמאכט אין אנפאנג. . . . פונדעסטוועגן האבן די אקטיארן אלע געהאט א גוטע מיינונג וועגן „סיביריא" און וועגן דעם נייעם פארפאסער מיסטער גארדין".

„סיביריא" איז קיינמאל ניט געדרוקט געווארן. דער סוזשעט איז איבערגעגעבן אין ב. גארינס „געשיכטע פון אידישען טעאטער" (II, זז. 113-115), אין דער רעצענזיע פון אב. קאהאן („דיא ארבייטער-צייטונג", נ. י. 27 נאוועמבער 1891) און אין בעסי טאמאשעווסקיס „מיין לעבענס-געשיכטע" (זז. 196-197).

דעם 18 יאנואר 1892 איז אין רומעניע אפערע-הויז אויפגעפירט

געוואָרן ג.׳ס פּיעסע „דער פּאָגראָם אין רוסלאַנד״ מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„יצחק האַלפּערן״ — מאַקס קאַרפּ.
שרה העניע, זיין פרוי״ — בינע אַבראַמאָוויטש.
„סאָניאַ — סאָפי קאַרפּ
זייערע קינדער״
„עדאַ — בעסי טאָמאַשעווסקי.
„ריינגאָלד״ — איזידאָר ווײנבלאַט.
„שמואלקעזאָן״ — מאָרים פּינקעל.
„פּאַווליק טורבאַטש״ — באָרים טאָמאַשעווסקי.
„גריצקאַ, אַ שגץ״ — משהלע גאָלדבערג.
„פרומע יענטע״ — אַננאַ מאַננע.
„אומבאַקאַנטער״ — סאָלאָמאָן מאַננע.
„פּריסטאַוו״ — י ע ק ב ג אָ ר ד י ן .

בעסי טאָמאַשעווסקי שילדערט אַזוי די הכנות און די אויפפירונג פון דערדאָזיקער פּיעסע: „. . . מיר [אין רומעניע אָפּערע-הויז] גרייטן צו עפּעס אַ ניי מייסטערווערקל פון לאַטיינער. די אַקטיאָרן זיינען אַלע אויף דער בינע און מאַכן פּראָבע און משהלע (פּינקעלס שני למלך) קומט אַרויף אויף דער בינע און זאָגט פּינקלען, אַז עפּעס אַ ייד מיט אַ באָרד וויל אים זען. פּינקעל איז שטאַרק פאַרטאָן מיט דער פּראָבע און ער ענטפערט משהלען, אַז ער זאָל זאָגן דעם לץ מיט דער באָרד צו קומען פורים צו דער סעודה, וועט זיין מער צייט מיט אים זיך צו באַדערן [פאַרנעמען]. משהלע פאָלגט און גייט אַוועק מיטן „מעסעדזש״ [שליחות]. אָבער ער קומט באַלד צוריק אַ פאַרסאָפּעטער און פּישטשעט אַרויס אויף זיין דין קולכעלע: „מיסטער פּינקעל, דער לץ איז ניט קיין לץ, דער לץ איז מיסטער גאָרדין״. פּינקעל האָט זיך שנעל אויפגעכאַפּט און איז אַנטקעגנגעלאָפן מיסטער גאָרדינען, וועלכער איז אונטערגעקומען צו דער בינע, וואו מיר האָבן געמאַכט פּראָבע. גאָרדין רעדט אויף רוסיש און בעט פּינקלען, מען זאָל אים אויסהערן אַ פּיעסע. ער דערציילט, אַז ער האָט איייניקע פּיעסן, נאָר לעזן וויל ער איינע, זאָגט ער. ער האָט געוואַרט ביז מיר האָבן געענדיקט אונזער פּראָבע. מיר האָבן דאָס שוין געמאַכט „אויף איין פוס״, ווי מען זאָגט, אַבי דער מיסטער גאָרדין זאָל ניט זען ווי מיר מאַכן פּראָבע און ווי אַזוי מיר שפּילן. פּינקעל האָט די גאַנצע צייט גערעדט מיט אים און אויסגעפרעגט וועגן דער פּיעסע. גאָרדין האָט געקוקט אויף פּינקלען, געשוויגן און געהערט. ווען ניט ווען האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אָדער געזאָגט אַ פּאָר געציילטע ווערטער.

„מען האָט אים באַוויליקט אַ פאָרלעזונג. . . . און אויף מאָרגן קומען זיך אַלע צוזאַמען. . . . באַלד קומט אַריין מר. גאָרדין מיט אַ קליין ביכל אונטערן האַנט. פּינקעל דערזעט דאָס ביכל און פרעגט גאָרדינען: „דאָס אַלץ?״. גאָרדין מעסט אים אָפּ מיט אַ קוק פון קאָפּ ביז די פיס און ענטפערט שטיל „דאָס איז גענוג״.

„זיין דערשיינען האָט אונז אַלע אימפּאָנירט. ער איז געווען הויך און מאָגער, מיט אַ מערקווירדיק שיין איידל פּנים. טיפע, קלוגע אויגן, אַ שיינע שוואַרצע באָרד, ריין צעקאַמט. אַ גרויסן שוואַרצן קאָפּ האָר פאַרקעמט אויף צום נאַקן און קוטשעראַווע געדיכט, אַ גרויסע שוואַרצע ווייכע העט [הוט] מיט אַ ברייטן ברים [ראַנד], אַן אָרעמען אָבער אַ ריינעם און נעטן אַנצוג און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט.

„מיר זיצן אַלע אַרום און הערן אויפמערקזאַם. . . . ביז ער האָט געענדיקט דאָס לעזן פון דער פּיעסע. . . . מיר האָבן זיך „אָפּגע-סוד׳עט״ אַביסל און באַשלאָסן צו נעמען די פּיעסע. פּינקעל רעדט מיט אים ביזנעס און זאָגט: „מיסטער גאָרדין, איר ווילט פאַרקויפן די פּיעסע? מיר וועלן אייך געבן ז ע כ צ י ק דאָלאַר. . . . גאָרדין האָט גערעדט זייער אַ האַרבן יידיש, ווי אַ גוי, להבדיל, מיט דער „ח״, אָבער מערסטנס האָט ער דאַן גערעדט רוסיש, זיין באַליבטע שפּראַך. ער קווענקלט זיך אַביסל און נאָך אַ קורצער פּויזע ענטפערט ער: „וועט איר שפּילן פּונקט אַזוי ווי איך האָב עס אָנגעשריבן? — טאַק כאָראָשאָ [איז גוט]״. מען רעדט וועגן צעטיילן די ראָלן און ס׳איז ניטאָ ווער ס׳זאָל שפּילן דעם „פּריסטאַוו״. פּינקעל פּוילט זיך ניט און באַט אָן גאָרדינען צו שפּילן די ראָלע און אָפּערט [לייגט פאָר] אים גאַנצע פינף און זיבציק דאָלאַר, דאָס הייסט פופצען דאָלאַר פאַרן שפּילן די דריי פאָרשטעלונגען, און אויב די פּיעסע וועט גיין מער ווי דריי מאָל, דאָס הייסט איייניקע וואָכן, איז פינף דאָלאַר פאַר יעדע[ר] פאָרשטעלונג. גאָרדין ענטפערט אויף יידיש: „כאָראָשאָ, איך האָב נויטיק געלט אַצינד פאַר מיין כפאַמיליע!״. פּינקעל „קריטיקירט״ עפּעס איייניקע שטעלן אין דער פּיעסע און ער וויל האָבן מוזיק. ער וויל אַריינברענגען [אַריינפירן] מוזיקאַנטן מען זאָל גיין אַ האָפּקע, אָבער גאָרדין רעדט שטרענג אַרויס, מיטן צייגע-פינגער אין דער לופטן: „ניט טשעפּען קיין וואָרט, גאָספּאָדאַ! עטאָ יאַ ניע דאָזוואָליו! מוזיקאַ? כאָראָשאַ, [מיינע הערן, דאָס דערלויב איך ניט, איר ווילט מוזיק? גוט!] איך וועל אייך געבן מאַלאָראָסיסקאַיאַ מוזיקאַ, וואָס פּאַסט זיך זייער גוט!״. ענדלעך האָט מען זיך פאַרגלייכט און אָפּגעמאַכט און . . . מען האָט געמאַכט אַן אויסנאַמע און אים געגעבן צען דאָלאַר אין אַדוואַנס [פאָרויס].

„געקומען די ערשטע פּראָבע: אין ערשטן אַקט איז דאָ אַ סצענע וואו מען שפּילט אין פאַנדן, האָט פּינקעל געוואָלט אַריינשטעלן דאָ אַ האָפּקע מיט אַ לידעלע, אָבער גאָרדין לאָזט ניט. עס ווערט אַ היציקע דעבאַטע צווישן פּינקלען און גאָרדינען. גאָרדין הייבט זיך שטילערהייט אויף, נעמט דאָס ביכל אונטערן אָרעם, זאָגט גוד-ביי [אַ גוטן טאָג] און גייט אַוועק. איינער פון אונזער טרופּע איז שנעל נאָכגעלאָפן און אים געבראַכט צוריק. דאָס איז ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען. מען האָט געמוזט צוזאָגן גאָרדינען, אַז מען וועט טאָן אַלץ נאָר ווי ער וועט הייסן. די פּראָבן זיינען געווען אונטער גאָרדינס אויפזיכט. ער האָט קיין איין פּראָבע ניט פאַרפעלט. קליידער אפילו האָט ער אַליין באַשטעלט. . . . די ראָלע פון „פּריסטאַוו״ האָט ער געשפּילט אינגאַנצן אויף רוסיש, קיין איין וואָרט ניט געזאָגט אין יידיש.

„ענדלעך איז געקומען די אויפפירונג. אַלע אַקטיאָרן זיינען געווען נערוועז ביז צו משוגעת. אין טעאַטער איז געקומען אַן עולם, וואָס מען האָט פריער קיינמאָל ניט געזען אין קיין יידישן טעאַטער. . . . גאָרדין האָט זיך אָנגעטאָן גלייך מיט אַלע אַקטיאָרן. . . . די ערשטע סצענע איז אָפּגעשפּילט און דער „פּריסטאַוו״ קומט אַריין. אין טעאַטער איז געוואָרן אַ לאַרם און אַ געפּילדער, דאָס גאַנצע פּובליקום האָט זיך אויפגעשטעלט פון די סיטס [פּלעצער] און געשריגן „גאָרדין! הוראַ גאָרדין!״. העטס זיינען געפלויגן אין דער לופטן. מען האָט מיט טאַשנטיכלעך געפאָכעט. עס האָט זיך קוים איינגעשטילט מען זאָל קאָנען ווייטער אָנגיין מיטן שפּילן. גאָרדין דאַרף ריידן, עס איז שוין נאָך זיין רעפּליק, אָבער ער שטייט נאָך אַלץ באַוועגלאָז, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, די אויגן צום פלאָר [ערד]. אַלע אויף דער בינע וואַרטן און ער שווייגט. ער איז געווען שרעקלעך נערוועז, ביז טאָמאַשעווסקי האָט הינטער די קוליסן אַ זאָג געטאָן צו אים: „נו, גאָספּאָדין גאָרדין!״. ווי פון אַ שווערן שלאָף האָט זיך גאָרדין פּלוצלינג אויפגעכאַפּט, אויפגעהויבן די באָרד, וואָס איז געלעגן פאַרזונקען אויף זיין ברוסט און האָט אַ זאָג געטאָן: דאַ-דאַ, טשטאָ זדיעס, גאָספּאָדאַ?״ [יאָ, יאָ, וואָס איז דאָ, מיינע הערן]. און די שפּיל איז געגאַנגען ווייטער.

ס'איז געקומען אַ געוויסע סצענע וואו מען גיט אים, גאָרדינען, דאָס הייסט, דעם פּריסטאַוו, כאַבאַר [שוחד] און מען טראָגט אים אונטער אַ שנאַפּס מיט פיש מיט כל הגוטס, אַבי ער זאָל ניט טשעפּען די יידן. בינע אַבראַמאָוויטש טראָגט אים צו אַ שטי־קעלע פיש און ווינטשט אים חניפהדיק עסן געזונטערהייט. דערביי לייגט זי צו אַ טעאַטער־חכמהלע, קלאָמפּערשט אַפּארט: „דער־וואָרגען זאָל ער ווערן", כדי דאָס פּובליקום זאָל הנאה האָבן וואָס מען שעלט דעם שלעכטן פּריסטאַוו. מיט אַמאָל טוט גאָרדין אַ זעץ מיטן קולאַק אין טיש און אַ געשריי: „פּערעסטאַנטיע, עטאָ ניע נאַפּיסאַנאָ" [הערט אויף, אַזוי שטייט ניט געשריבן]. מיר האָבן זיך אַלע דערשראָקן פאַר זיין געשריי.

„נאָך יעדן אַקט האָט מען זייער אַפּלאָדירט, אומצעליקע מאָל אַרויסגערופן די שפּילער זיך נויגן און ספּעציעל האָט מען גע־שריגן „גאָרדין". מיר האָבן פריער אַזאַ באַגייסטערונג קיינמאָל ניט געזען אין טעאַטער. . . . מיר האָבן דעם „פּאָגראָם" געשפּילט איינינקע וואָכן מיט אַ לויטער מאָראַלישן דערפאָלג. . . . קיין געלט האָט מען ניט געמאַכט. דאָס ביסעלע אינטעליגענץ איז טאַקע געקומען אין טעאַטער, מיר האָבן הנאה געהאַט צו ריידן אַזאַ זיסע פּראָזע ווי גאָרדינס, אָבער די „טאָלערברענגערס", די אמתע בעלי־הבתים פון טעאַטער, דאָס הייסט, דאָס גרויסע ווערטע פּוב־ליקום, איז ניט געקומען. פאַר זיי איז גאָרדין געווען צו האַרב צו פאַרדייען".

די פּיעסע איז דערנאָך מער ניט אויפגעפירט געוואָרן און איז אויך קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן. איר סוזשעט איז אָנגעגעבן אין בעסי טאָמאַשעווסקים „מיין לעבענס־געשיכטע" (זז. 204-200) און אין גאָרדינס אַרטיקל אין „דיא אַרבייטער־צייטונג" פון 15 אַפּריל 1892.

ג. האָט דערפילט די קאַלטע באַציאונג צו זיינע פּיעסן מצד דעם גרויסן פּובליקום און אויך פון דער קריטיק און האָט אויף דעם רעאַגירט מיט אַ סאַטירישער הומאָרעסקע א"נ „דער סיוזשעט פון מיין צוקינפטיגע דראַמאַ", געדרוקט דעם 20 מאַי 1892 אין „דיא אַרבייטער צייטונג".

אָבער ג.ס נייע ריכטונג האָט אים באַלד געבראַכט אָנערקענונג אין דער טעאַטער־וועלט: ווען אַ גרופּע פון די אָנגעזענסטע אַק־טיאָרן (יעקב פּ. און סערע אַדלער, קעני ליפּצין, משה און אסתר זילבערמאַן) פאַראייניקן זיך אין איין טרופּע אין יוניאָן־טעאַטער, פאַרבעטן זיי ג. אַלס „אויטאָר" און — לויט דעם דאַמאָלטיקן מנהג — שטעלן אַוועק זיין נאָמען איבער דער פירמע פון טעאַטער.

ניט באַווייזנדיק אָנצושרייבן קיין אייגענע פּיעסען, באַאַרבעט ג. 2 פּיעסען פון אברהם גאָלדפאַדען און אַזוי פירט מען דאָרט אויף דעם 26 אויגוסט 1892 ג.ס באַאַרבעטונג פון גאָלדפאַדענס „מליץ יושר" אָדער „דער זיג פון גערעכטיקייט" און דעם 5 אָקטאָ־בער 1892 ג.ס באַאַרבעטונג פון גאָלדפאַדענס „משיחס צייטן".

די אויפירונגען רופן אַרויס אין דער פּרעסע אַ שטאַרקע דיס־קוסיע צווישן ג., דעם פּובליקום און די שרייבער לואי מילער און יעקב מילך. און שוין דאָ ווייזט אַרויס ג. זיין פּרינציפּ ניט נתפעל אָדער באַצוואונגען צו ווערן פון קריטיק, נאָר צו ענטפערן אַנטשידן, — אַ שטעלונג, וועלכע האָט שפּעטער געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויפן גאַנג פון זיין דראַמאַטורגישער טעטיקייט. אַזוי ענטפערט ער אויף אַ קריטיק פון גאָלדפאַדענס אָנהענגער ה' שחר: „. . . באַהיט מיך גאָט רויבן פאַר זיך עטוואָס פון זיין רום און פון זיינע גייסטלעכע [גייסטיקן] רייכטום. די קליינע ווערקע, וועלכע איך גיב דעם יידישן טעאַטער, געהערן מיר! און נימאָלס וועל איך זאָ נידריק פאַלן, איך זאָל ביי די יידישע דראַ־מאַטורגן עטוואָס ווען גענימן . . . יאָ, איך שעם מיך ניט צו

ווידערהאָלן אייער איראָנישן אויסדרוק, ה' שחר, גאָלדפאַדען איז ניט גאָרדין און גאָרדין איז ניט גאָלדפאַדען".

בערך אָקטאָבער־נאָוועמבער 1892 איז אין יוניאָן־טעאַטער אויפ־געפירט געוואָרן ג.ס פּיעסע „דער יידישער קעניג ליר".

לויט הערי גאָטטי, איז די פּיעסע אין איר פּרעמיערע געשפּילט געוואָרן מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„דוד משהלעם" — יעקב פּ. אַדלער.
חנה לאה" — אַננאַ מאַננע
„עטעלע — מערי ווילענסקי
„גיטעלע, זייערע קינדער" — מרס. סיימאָן
„טייבעלע — סערע אַדלער.
„אברהם חריף" — לייזער גאָלדשטיין.
„משה חסיד" — סאָלאָמאָן מאַננע.
„יאַפע" — שמואל טאַבאַטשניקאָוו.
„שמאַי" — בערל בערנשטיין.

אויך אַצינד „האָט ער [ג.] — ווי לעאָן קאָברין דערציילט — ווידער געהאַט אַ „סטיטשקע" [צוזאַמענשטויס], און דוקא מיט יעקב אַדלערן אַליין. . . . די אורזאַך פון דער סטיטשקע איז געווען הלמאי אַדלער האָט אַריינגעשטעלט זיין אייגענע „פּראָזע" אין דער פּיעסע . . . דידאָזיקע „סטיטשקע" האָט זיך ווידער געענדיקט מיט דעם, וואָס אַדלער האָט איבערגעבעטן גאָרדינען. און אַנדערש האָט גאָרנישט געקאָנט זיין, מחמת אַדלער אין דער ראָל פון דעם „יידישן קעניג ליר" האָט נאָך מער אויסגענומען ווי אין „סי־ביריאַ". און וועגן דער פּיעסע גופא שרייבט קאָברין: „הגם דעם סוזשעט פאַר דער פּיעסע האָט ער גענומען טיילווייז פון שעקספּירס „קעניג ליר" און טיילווייז פון אַ דייטשער פּיעסע „קעניג קראַוזאַ", איז זי דאָך אינגאַנצן זיינע. גוט אָדער שלעכט, ווי די מענטשן זיינען דאָרט ניט געשילדערט פון דעם ליטעראַרישן און דראַמאַ־טישן שטאַנדפּונקט, זיי זיינען אָבער זיינע מענטשן, יידישע גע־שטאַלטן, יידישע סצענעס, אַ יידישע סביבה און דער עיקר, דער ל ע ר ע ר גאָרדין דריקט זיך אויס דורך דערדאָזיקער גאַנצער פּיעסע."

ב. גאָרין שרייבט: „דאָס ערפאָלגרייכסטע פון גאָרדינס ערשטע שטיקער איז „דער יידישער קעניג ליר", וועלכע איז געבליבן אין רעפּערטואַר ביזן היינטיקן טאָג און וועט נאָך לאַנג, לאַנג רירן די הערצער פון די יידישע טעאַטער־באַזוכער. עס איז איבריק צו זאָגן, אַז פון אַ ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט איז דאָס דאָזיקע שטיק אַ ביליקע זאַך. . . . נאָר אין יענער צייט איז „דער יידישער קעניג ליר" געווען אַ ריזיקער שריט פאָרווערטס פאַר דער יידישער בינע. . . . די דירעקטאָרן האָבן באַטראַכט זיינע פּיעסען אַלס טרוקענע [אָן געזאַנג], וועלכע קאָנען ניט געפינען קיין חן ביי דער גרויסער מאַסע. אָבער דער גרויסער דערפאָלג פון דעם „יידישן קעניג ליר" האָט באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז זייער באַגריף וועגן טרוקנקייט איז אַ פאַלשער און גאָרדינס פּאָזיציע אין טעאַטער איז פון איצט אָן געוואָרן אַ שטאַרקערע".

שטרענגער אורטיילט די פּיעסע דוד פּינסקי אין זיין בראָשור „דיא אידישע דראַמאַ": „. . . אין איר קאָנען מיר אַמדייטלעכסטן דערקענען די עלעמענטן פון דער גאָלדפאַדענישער שולע. זיי וואַרפן זיך אין די אויגן. צוערשט דער פּאַיאַץ פון דעם שטיק, דער משרת „שמאַי". נישט שעקספּירס נאַר, וועלכער דרעשט קעניג ליר ווי מיט עקדישן פאַר זיין נאַרישקייט, וועלכע ער האָט אָפּגעטאָן, ווערט דאָ פאַריידישט. נאָר גאָלדפאַדענס אַ לץ ווערט דאָ קאָפּירט. אַ מין האָצמאַך איז עס, וועלכער איז מיט גוואַלד אַריינגעשלעפּט גע־

וואָרן אין דאָס שטיק. . . . דאָן די נגינה, די כאָרן און די סאָלאָס. און דאָן די פראַזן וועגן בילדונג און פאַנאַטיזמוס. דער לעבערלעבער אויפגעבלאָזענער סטיל פון דידאַקטישע פראַזן. . . . ועל כולם דער גייסט נאָך וועלכן עס קומט אויס, אַז די גוטע און טרייע מענטשן מוזן זיין די אויפגעקלערטע און געבילדעטע — דאָס אַלץ איז ווי אַרויסגענומען פון גאָלדפאַדענס און שמ'רס ווערק . . .

„. . . דער ערשטער אַקט זעט זיך אָן בלויז ווי אַ פּאַראָדיע, אַ נאָכקרימעניש אויף שעקספּירס „קעניג ליר". . . . גאָרדין גייט אַוועק אין די ברייט, ניט אין דער טיפקייט. . . . ער זעט בלויז אָפּ אויף די צווערס טרערן אין דעם סטיל פון די שונד-שרייבער."

ענלעך זאָגט זיך אַרויס ז. קאָרנבליט אין זיין „די דראַמאַטישע קונסט": „. . . דוד משהלעס . . . איז הונגעריק. ער וויל אַ שטיקל רעטעך, שרייט ער און גוואַלטעוועט, און מען גיט אים ניט קיין רעטעך. איז אַ רחמנות אויף אים און מען וויינט מיט ביטערע טרערן. וואָלט מען אַרויפגעטראָגן אַ טעלער רעטעך מיט שמאַלץ אויף דער בינע, וואָלט געווען אויס טראַגעדיע".

דאָס כסדרדיקע פאָרוואָרפן ג.'ן, אַז ער האָט די פּיעסע גענומען פון שעקספּירן, האָט אים באַוואויגן אַרויסצוטרעטן דעם 21 דעצעמבער 1892 אויף זיין בענעפיס אין טאַליאַ-טעאַטער מיט אַ רעדע אויף דער טעמע: „וואָס שעקספּיר האָט צו טאָן מיט דעם יידישן קעניג ליר". און אין זיינע זכרונות שרייבט ער: „ווי אַזוי די שוישפּילער קאָנען האָבן אַ טעות אין אַ פּיעסע און ווי אַזוי דאָס פאָלק פאַרשטייט אַ פּיעסע, קאָן איך אייך ערקלערן מיט אַ פּאָר אינטערעסאַנטע פאַקטן: ווען איך האָב פאָרגעלעזן דעם „יידישן קעניג ליר", האָט איין שוישפּילער געזאָגט, אַז די פּיעסע וועט שטיין אויף דער אַפישע פון פרייטאָג ביז שבת. דער צווייטער האָט געזאָגט, ער האָט עס געזען אין דייטשן וואָרט אין וואָרט פון אַ שרייבער העך שעקספּיר. אַ יידישער ליטעראַט האָט געזאָגט עס איז אַנטנומען פון אַ מעשהלע פון טורגעניעווס „שטעפּיניאַק". דאָס פאָלק אַמייסטן פאַרשטייט גאָרניט וואָס פאַר אַ ראָל עס שפּילט דער אויטאָר. נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג פון „קעניג ליר" האָב איך געהערט ווי אַן אַלטער ייד האָט געזאָגט: „אַ גוטע שטיק, אַ מוסר פון לעבן". „איך דאַנק אייך — האָב איך אים געזאָגט מיט פרייד —". „וואָס איז מיט אייך די שמחה?" — „איך בין דער אויטאָר". „וואָס הייסט אויטאָר?". „איך האָב עס געשריבן". „נאָך וואָס האָט איר עס געדאַרפט איבערשרייבן?"."

די פּיעסע איז ביז היינט צו טאָג פאַרבליבן אין רעפּערטואַר פון דער יידישער בינע. צוליב דעם וואָס זי איז געווען דאָס אייגנטום פון יעקב פּ. אַדלער, איז זי ביי זיין לעבן געשפּילט געוואָרן כמעט נאָר פון אים. ערשט אין אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט האָט יעקב זילבערט (איבערטרעטנדיק אַדלערס אייגנטום-רעכט) זי אויפגעפירט אין רומעניע און זייט דאַמאָלט איז זי אַריין אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער אין איראָפּע.

דעם 30 יוני 1921 איז „דער יידישער קעניג ליר" אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון צוהר [בן-ציון ידידיה] אויפגעפירט געוואָרן אין ירושלים אין טעאַטער „ציון".

אין 1908 איז „דער אידישער קעניג ליר" דערשינען אין וואַרשע, אָן וויסן און אָן דער קאָנטראָל פון מחבר. [דאָס ליד „בורא פּרי הגפן" אין דער פּיעסע איז — לויט שלום פּערלמוטער — פון הורוויצעס אָפּערעטע „יהודית און הולפרנוס"].

4 מוזיק-נומערן פון „דער יידישער קעניג ליר", אַראַנזשירט פון ה. א. רוסאָטאָ, זיינען דערשינען אין דער ניו-יאָרקער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני".

אין צוזאַמענהאַנג מיט אַן אויפירונג פון דער פּיעסע דעם 19 דעצעמבער 1905 אין ניו-יאָרק פאַרן „דזשאָרדזש דזשעסל לאָדזש נומ. 566, אינדיפּענדענט אָרדער בני-ברית", איז דערשינען אין ענגליש אַן אינהאַלט פון דער פּיעסע.

לויט ז. רייזען איז אין אָדעס אין 1912 די פּיעסע דערשינען אין דער רוסישער איבערזעצונג פון ד. ראָזענבלאַט.

אין 1893 איז — לויט ב. גאָרין — אויפגעפירט געוואָרן גאָרדינס פּיעסע „דער מאָרד אין מעדיסאָן עוועניו". די פּיעסע איז באַלד אַרויס פון רעפּערטואַר און איז קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן.

דעם 4 נאָוועמבער 1893 איז אונטער אַדלערס רעזשי אויפגעפירט געוואָרן אין ווינדזאָר טעאַטער ג.'ס לעבנסבילד „דער ווילדער מענטש", מוזיק פון מאָגולעסקאָ און פרידזעל.

דאָס פּערסאָנאַל ביי דער פּרעמיערע איז — לויט הערי גאָטטי — געווען אַזוי פאַרטיילט:

„שמואל לייבליך" — מאָרים פינקעל
„זעלדע" — פּאַולינאַ עדעלשטיין
„שפרה" — סאָניאַ נאַדאָלסקי
„ליזאַ" — סעראַ אַדלער
„למך" — יעקב פּ. אַדלער
„וולאַדימיר וואָראָבעיטשיק" — זיגמונד מאָגולעסקאָ
„סימאָן" — עליאַס ראָטשטיין
„אלכסנדר" — ש. טאַבאַטשניקאָוו.

דוד פּינסקי שרייבט וועגן דער פּיעסע: „עס איז נישטאָ קיין איין לעבעדיקער מענטש אין דעם שטיק און די גאַנצע האַנדלונג... אָבער אין דער צייט ווען „דער ווילדער מענטש" איז אויפגעפירט געוואָרן, איז שוין דאָס ו ו ע ל ן אַרויפברייגען [אויף דער בינע] אַ באַדייטנד מענטשן-שיקזאַל, געווען אַ פאָרטשריט."

אב. קאַהאַן שרייבט: גאָרדינס מערקווירדיקער חוש פאַר דער בינע זעט זיך אין דעם „ווילדן מענטש" אָן גאַנץ שטאַרק. ווייניקסטן דריי פערטל פון דער גאַנצער פּיעסע שמעקט מיט דער „ליטעראַטור" פון לאַטיינער. צוזאַמענגעשטעלט זיינען אָבער די סצענען מיט אַ מערקווירדיקער געניטקייט און ווען די שוישפּילער האָבן פעאיקייט און טאַלאַנט, איז דאָס אינטערעסאַנט צו זען און מינוטנווייז זיצט מען ווי געשפּאַנט".

ענלעך ווי „דער יידישער קעניג ליר" איז אויך „דער ווילדער מענטש" אַ סך יאָרן דאָס „אויסשליסלעכע אייגנטום" פון יעקב פּ. אַדלער, ביז לואי הײמאַן האָט (אָן אַדלערס דערלויבניש) געבראַכט די פּיעסע אין איראָפּע און זי דאָרט אויפגעפירט. זייט דאַמאָלט איז די פּיעסע אַריין אין רעפּערטואַר פון אַלע יידישע בינעס און כמעט יעדן יונגן אַקטיאָרס אַמביציע איז געווען זיך צו ווייזן אין איר טיטל-ראָל.

אין 1907 איז די פּיעסע דערשינען אין וואַרשע (אָן וויסן און אָן דער קאָנטראָל פון מחבר): „דער ווילדער מענש, לעבענס-בילד אין 5 אַקטען, 7 בילדער פון יעקב גאָרדין" [54 ז. °16, מיט אַ בילד פון אַקטיאָר מעערסאָן אין דער ראָל „דער ווילדער מענטש"].

אין 1893 האָט עליאַס ראָטשטיין אויף זיין בענעפיס אויפגעפירט ג.'ס איינאַקטער „דער אָפּגעשטאָרבענער קינסטלער" [פאַרעפנטלעכט אין ג.'ס „איינאַקטערס"].

ג.'ס אָנזען ביים טעאַטער וואַקסט. ער דערפילט זיך אַלץ זיכערער אין זיין פּאָזיציע און ווערט דער „אַליין-הערשער" איבער זיינע פּיעסען: מאָגולעסקאָ ווערט אַמאָל פון אים בעת אַ פאָרשטעלונג בפרהסיא אויסגעזידלט פאַר „צולייגן אַן אייגענעם וויץ" און מיט זיגמונד פיינמאַן קומט עס צו אַ גאָר ערנסטן צוזאַמענשטויס פאַר „ריידן אייגענע פּראָזע". אָבער — ווען אַדלער נעמט איבער דעם רומעניע אָפּערע-טעאַטער און ג. ווערט דאָרט דער „אָנגעשטעלטער אויטאָר", האָט ער — ווי ב. גאָרין באַמערקט: „ניט

געקאָנט ביישטיין דעם נסיון ווען אים האָט אויסגעוויזן, אַז ער קאָן געווינען די גרויסע מאַסע און ער האָט אָנגעהויבן צו קאָנקורירן מיט די אַנדערע פּאַרפאַסערס, אַרונטערלאָזנדיק זיך צו זייערע מעטאָדן. . . . אַלס אָנגעשטעלטער אויטאָר האָט ער געדאַרפט שיטן פּיעסען פון אַרבעל און ער האָט דעריבער ניט געקאָנט זיין זייער קלייבעריש".

צו יענער עפּאָכע געהערן די פּיעסען „דער פּרנס חודש" און „רב הכולל". „נאָר אויף דעם פעלד — באַמערקט ווייטער גאָרין — האָט ער זיך ניט אויסגעצייכנט און די גרויסע מאַסען האָט ער ניט געוואונען".

ביידע פּיעסען זיינען באַלד פאַרשוואונדן פון דער בינע. זיי זיינען אויך קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן.

דעם 16 מערץ 1894 איז אין דעמזעלבן טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס פּיעסע „דער יידישער גלח". אויך די פּיעסע איז אַלס „אייגנטום פון אַדלערן" געשפּילט געוואָרן נאָר דורך אים און איז ערשט שפּעטער (אָן אַדלערס וויסן) געבראַכט געוואָרן דורך לואי היימאַן קיין איירָאָפּע און באַלד געשפּילט געוואָרן אויף אַלע יידישע בינעס, פאַרבלייבנדיק אין יידישן רעפּערטואַר ביז היינט צו טאָג.

„דער יידישער גלח" איז קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן.

דעם 3 מאַי 1894 איז אין אַדלערס טעאַטער פאָרגעקומען אַ בענעפיס־פאָרשטעלונג פאַר ג., ביי וועלכער עס איז צום סוף פאָרגעשטעלט געוואָרן ג.'ס איינאַקטיקע קאָמעדיע מיט מוזיק „יוקעל דער אָפּערן־מאַכער". דער איינאַקטער איז אַ סאַטירע אויף די דאַמאָלטיקע דראַמאַטורגען. [געדרוקט אין ג.'ס „איינאַקטערס"].

צו יענער צייט ברעכט אויס אַ סטרייק פון די אַקטיאָרן קעגן אַדלערן. ג. שטעלט זיך אויף דער זייט פון די אַקטיאָרן און דעם 17 אויגוסט 1894 דרוקט ער אָפּ אין „דיא אַרבייטער צייטונג" „אַ בריוו אין רעדאַקציע", אין וועלכן ער דערקלערט, אַז צוליב דער עקספּלאָאַטאַציע פון אַדלערן, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ סטרייק אין זיין טעאַטער. ער (ג.) איז דערפאַר פון אַדלערס טעאַטער אַריבער אין טאַליאַ־טעאַטער, וואו עס ווערט איינגעאָרדנט אַ בענעפיס־פאָרשטעלונג פאַר די סטרייקנדע אַקטיאָרן און ער פאָדערט אויף דאָס פּובליקום צו אונטערשטיצן דעם דאָזיקן בענעפיס.

אין דאָזיקן טאַליאַ־טעאַטער פירט אויף ג. דעם 15 סעפּטעמבער 1894 זיין פּיעסע „די ליטווישע ברידער לוריע". [געבויט אויפן סוזשעט פון שעקספּירס „ראָמעא און יוליא"].

דאָס פּערסאָנאַל פון דער פּרעמיערע איז — לויט עליאַס ראָטשטיין — געווען:

„גדליהו לוריא" — באָריס טאָמאַשעווסקי
„פרומע איטע" — מערי עפּשטיין
„רבקה" — קעני ליפּצין
„טוביה לוריא" — עליאַס ראָטשטיין
„יאַנקעל" — ס. טאָביאַס
„ר' שרגא" — מאָרים פינקעל
„שרה דבורה" — בעסי טאָמאַשעווסקי
„אַלטער ציפּעס" — משה סימאָנאָף
„רחמיאל" — בערל בערנשטיין.

די פּיעסע איז פאַרבליבן אין רעפּערטואַר.

אין נאָוועמבער 1908 איז „די ברידער לוריע" אויפגעפירט געוואָרן אין וואַרשע. אויפן גרונד פון דערדאָזיקער אויפפירונג שרייבט נח פּרילוצקי אין זיין בוך „יידיש טעאַטער": „די פּיעסע איז אַ דענקמאָל פון אַלטמאָדישן יידישן לעבן, פון יענע זיינע פאָרמען, וואָס שטאַרבן שוין איצט אָפּ. אָבער דאָך אַ שוואַכע פּיעסע. קיין דראַמע נישט: . . . ער [ג.] האָט צו אויבערפלעכלעך גענומען די דערשיינונג, איז אַרויסגעקומען אַ ה י ל צ ע ר נ ע מ ע ל אָ ד ר אַ מ ע . קענטיק, אַז די זאַך איז אויפגענייט געוואָרן איבערנאַכט, לויט באַשטעלונג און צוגעפּאַסט צום געשמאַק פון פּובליקום."

אין 1907 איז די פּיעסע א"נ „די געברידער לוריא, לעבענסבילד אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין", אָן וויסן פון מחבר, דערשינען אין וואַרשע [51 ז. 16°].

דעם 18 אָקטאָבער 1894 איז אין טאַליאַ טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס „מחמד אונד דיא יודען אין אַראַביע" — „היסטאָרישע אָפּערע אין 4 אַקטען, מוזיק פון רעווערענד קוראַנטמאַן".

די פּיעסע איז לאַנג ניט געשפּילט געוואָרן. זי איז אויך קיינמאָל ניט אַרויס אין דרוק.

אין 1895 האָט ג. געמאַכט דעם ערשטן פּרוב צו שרייבן אַ פּיעסע פון יידישן לעבן אין אַמעריקע: „דער רוסישער ייד אין אַמעריקע".

די אויפפירונג פון דערדאָזיקער פּיעסע האָט — לויט ב. גאָרין — „אין יענער צייט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, ניט מיט זיין דערפאָלג, נאָר מיט די שאַרפע ויכוחים, וואָס עס האָט דאַמאָלט אַרויסגערופן. . . . דער אומפאַרגעסלעכער הוזדאַק [דער נאָמען פון העלד], וועמענס קלאַסישער אויסדרוק [בנוגע זיין האַנדלונג אין דער יוניע־באַוועגונג] „צו וואָס דאַרף איך שכל, אַז איך האָב אַ קאָנסטיטוציע", איז אַריין אין פאָלק און האָט געמאַכט הייסע בלוט. אברהם קאַהאַן, רעדאַקטאָר פון דער סאָציאַליסטישער „אַרבייטער צייטונג", וועלכער איז אין טעאַטער געקומען צו אַ פאָרשטעלונג אַלס קריטיקער, האָט פון אַ לאָזשע אויסגעשריגן אין רוסיש: „עטאָ לאָזש" [דאָס איז אַ ליגן] און לאַנג, לאַנג האָט מען דעבאַטירט און געהיצט זיך צי גאָרדין איז געווען גערעכט צו די יוניאָנס, ווען ער האָט הוזדאַקן אַרויסגעשטעלט אַלס זייער פאָרשטייער. [הוזדאַק ווערט דורך ג. געשילדערט אַלס אַ פאַרקויפטע נשמה און אַן אומערלעכער מענטש].

„קיין שטיק כאַראַקטעריזירט ניט אַזוי גאָרדינען ווי „דער רוסישער ייד". עס איז געווען מער ווי געוואַגט צו געבן אַזאַ שנעל אין נאָז די יוניאָנס, ווייל זיינע הייסטע אָנהענגער האָט ער [גאָרדין] געהאַט צווישן די פאָרטגעשריטענע אַרבעטער. נאָר ער האָט דערפאַר זיך ניט אָפּגעשראָקן און האָט זיין בייסיקע סאַטירע אָנגעווענדעט קעגן דעם, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר אַן איבל. . . . אין „דער רוסישער ייד" דריקט גאָרדין אויך אויס זיינע אייגענע געפילן צום נייעם אַדאָפּטירטן לאַנד. די געדיכטע פאַרבן זיינען ניט צוליב אַן עפעקט, נאָר אַזוי האָט ער זיי געזען. נעמענדיק זיך אַליין פאַר אַ מאָדעל . . . גאָרדין איז אָפּט אַזוי שטאַרק באַהערשט געווען פון זיינע געפילן, אַז דאָס האָט אים געשטערט צו זען די וואַרהייט ווי אַ קינסטלער דאַרף זי זען."

אויף אַ קריטיק פון אב. קאַהאַן האָט ג. געענטפערט מיט אַ שאַרפן אַרטיקל און ווידער באַשטעטיקט, אַז ער האַלט זיינע פּיעסען פאַר מוסטערהאַפטע, איבער יעדער קריטיק. „איך האָב דאַן ערקלערט, — שרייבט אב. קאַהאַן — אַז אויב דאָס איז גאָרדינס גאַנג, וועל איך מער וועגן זיינע פּיעסען ניט שרייבן. מען האָט דערנאָך געמאַכט שלום צווישן אונז, אָבער מער האָב איך קיין קריטיק אויף זיינע דראַמעס, אין פאַרלויף פון אַ לאַנגער צייט, שוין ווירקלעך ניט געשריבן. פּערזענלעך זיינען מיר אָבער צוערשט געבליבן אין גוטע באַציאונגען".

„דער רוסישער ייד אין אַמעריקע" איז שפּעטער אַרויס פון רעפּערטואַר און איז אויך קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן.

דער סוזשעט פון דער פּיעסע איז פאַראַן אין דער רעצענזיע

פון קאַהאַן און אין ג.׳ס ענטפער אין „דיא אַרבייטער צייטונג" פון 24, 31 מאַי, 8, 14, 21, 28 יוני, 4 און 11 יולי 1895.

דעם 23 יאַנואַר 1895 איז אין אַדלערס טעאַטער צו ג.׳ס בענעפיס אויפגעפירט געוואָרן איבסענס „נאָראַ", וועלכע איז געוואָרן אַנאָנסירט אַלס „נאָראַ, אָדער, נס בתוך נס — באַאַרבעט פון גאָרדין און ווינטשעווסקי". [„נאָראַ" איז שפּעטער דערשינען געדרוקט אַלס איבערזעצונג פון מ. ווינטשעווסקי]. נאָך דער פאָרשטעלונג האָט ג. געהאַלטן אַ פאָרטראַג „ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ פאַרפאַסער פון יידישע דראַמעס" [געדרוקט אין מיניקעס „דיא אידישע ביהנע, ניו-יאָרק 1897 און איבערגעדרוקט אין ז. זילבערצווייגס „הינטערן פאָרהאַנג", ווילנע, 1928].

אין אָקטאָבער 1895 ווערט אויך אין אַדלערס טעאַטער אויפגעפירט ג.׳ס דראַמע „עגל הזהב, אָדער דער גאָלדענער גאָט". די פּיעסע האָט ניט געהאַט קיין אריכות-ימים. זי איז אויך קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן. דער סוזשעט פון דער פּיעסע איז אָנגעגעבן אין אַ רעצענזיע אין „דיא אַרבייטער צייטונג" פון 11 אָקטאָבער 1895.

אין נאָוועמבער 1895 איז אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס פּיעסע „די נקמה", וועלכע איז אויך נאָר אַ קורצע צייט געשפּילט געוואָרן. די פּיעסע איז קיינמאָל ניט דערשינען אין דרוק. דער סוזשעט פון דער פּיעסע איז אָנגעגעבן אין אַ רעצענזיע אין „דיא אַרבייטער צייטונג" פון 6 דעצעמבער 1895.

אין זעלבן יאָר (1895) זיינען אויך, לויט ב. גאָרין, אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס פּיעסען: „גאַליליי, דער מאַרטירער פון וויסנשאַפט", וועלכע איז באַלד אַראָפּ פון דער בינע און „דער שוואַרצער ייד, אָדער מאיר יוזעפּאָוויטש" [לויט עליזאַ אַרזשעשקאָוואַס ראָמאַן], וועלכע ווערט נאָך איצט פון צייט צו צייט געשפּילט.

ביידע פּיעסען זיינען ניט דערשינען אין דרוק.

דעם 10 יאַנואַר 1896 [ביי ב. גאָרין איז די אויפירונג פאַרצייכנט אויפן יאָר 1892] איז אין אַדלערס טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס פּיעסע „צוויי וועלטן, אָדער, דער גרויסער סאָציאַליסט". די פּיעסע איז באַלד אַראָפּ פון דער בינע. זי איז אויך קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן.

די פאָרוואורפן, אַז ג. האָט אַ נעגאַטיווע, אפילו „אַנטיסעמיטישע" באַציאונג צו די יידישע טיפּן אין זיינע פּיעסען, האָט אים באַוואויגן אַרויסצוטרעטן דעם 12 פעברואַר 1896, אויף זיין בענעפיס, מיט אַ פאָרטראַג אויף דער טעמע „דער אַנטיסעמיטיזמוס אין יעקב גאָרדינס פּיעסען".

אין 1896 איז — לויט ב. גאָרין — אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס [פרייע] איבערזעצונג פון גרילפּאַרצערס „מעדעא" מיט קעני ליפּצין אין דער טיטל-ראָל.

די פּיעסע איז אַ קורצע צייט שפּעטער (אָן וויסן פון מחבר) געבראַכט געוואָרן אין אייראָפּע, איז דאָרט אָפט געשפּילט געוואָרן און ביז היינט פאַרבליבן אין רעפּערטואַר.

אין 1897 איז „מעדעא" דערשינען אין דרוק: „מעדעא, אַ היסטאָרישע טראַגעדיע אין 4 אַקטען, בעאַרבייט פיר דער יודישער ביהנע פון יעקב גאָרדין" און איז אין 1913 איבערגעדרוקט געוואָרן אין וואַרשע.

דעם 6 מערץ 1896 איז אין אַדלערס טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „דער פאָלקס פיינד, קלאַסישע ווערק פון הענריך איבסען, בעאַרבייטעט פאַר דער אידישער ביהנע פון יעקב גאָרדין".

די פּיעסע איז באַלד אַראָפּ פון דער בינע און איז אויך קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן.

דעם 27 מערץ 1896 איז אין אַדלערס טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס „די דריי פּרינצן".

די פּיעסע, געשפּילט נאָר אַ קורצע צייט, איז קיינמאָל ניט אַרויס אין דרוק.

אַן ענלעכן גורל האָבן געהאַט ג.׳ס פּיעסען „קאַפּיטאַל, ליבע און מאָרד", „דער ווילדער קעניג" (פאַנטאַסטישע אָפּערע), „קול שופר" (באַאַרבעט פון דער איטאַליענישער אָפּערע „ערנאַני") און „פּאַרוועורטס" (איבערזעצט פון סטעפּניאַקס אַ דראַמע), וועלכע זיינען לויט ב. גאָרין אויפגעפירט געוואָרן אין זעלבן יאָר.

„אייניקע פון די דערמאָנטע שטיקער — באַמערקט ב. גאָרין — זיינען איבערגעמאַכטע, אַדאַפּטירטע און אַנדערע אָריגינעלע, נאָר אַלע זיינען טאַנדעטנע געמאַכט און זייער ליטעראַרישער ווערט איז גאָר אַ קליינער".

דערפאַר האָט אַ באַדייטנדן סצענישן דערפאָלג געהאַט ג.׳ס פּיעסע „שלמה שאַרלאַטאַן", וועלכע איז אויך — לויט ב. גאָרין — אויפגעפירט געוואָרן אין 1896.

דאָס פּערסאָנאַל פון דער פּרעמיערע איז — לויט לעאָן בלאַנק — באַשטאַנען פון:

„ביינוש וואַסערשטיין" — מאָרים מאָשקאָוויטש
„אסתר רחל" — סאָניאַ נאַדאָלסקאַ
„אלישבע" — סערא אַדלער
„מענדעלע" — אברהם פישקינד
„שלומקה" — יעקב פּ. אַדלער — דוד קעסלער
„סימאָן מוזלין" — וויליאַם קאָנראַד
„גאָלדע" — מערי ווילענסקי
„מישע" — דוד קעסלער — יעקב פּ. אַדלער

די פּיעסע איז — לויט דוד פּינסקי — אַ באַאַרבעטונג פון אָסטראָווסקיס „ביעדנאָסט ניע פּאָראָק" [„אָרעמקייט איז ניט קיין שאַנד"] און איז, מיט קעסלערן אין דער טיטל-ראָל, יאָרן לאַנג געווען אַ גרויסער דערפאָלג אין יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

אָן וויסן פון מחבר איז די פּיעסע געבראַכט געוואָרן אין אייראָפּע און איז פאַרבליבן אין דאָרטיקן רעפּערטואַר ביז היינטיקן טאָג.

אין 1913, בעת דוד קעסלערס גאַסטראָלן אין פּוילן, וואו ער איז אויך אויפגעטראָטן אין „שלמה שאַרלאַטאַן", שרייבט נח פּרילוצקי וועגן דער פּיעסע: „דער מחבר ווייזט אונז ניט די שטאַפּלען פון דער ירידה אין זייער אינערלעכער באַגרינדונג. . . מיר זעען אויך ניט דעם אינערלעכן קאַמף, וואָס דאַרף — אַלנפאַלס, וואָס קאָן — באַגלייטן אַזאַ שטורמישן לעבן".

אין 1912 איז די פּיעסע, אָן דער הסכמה פון מחבר, דערשינען אין לעמבערג א״נ „דער שאַרלאַטאַן, אַ לעבענסבילד אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין" [44 ז. °16].

אין 1896 איז דורכן „רוסישן סטודענטן-פאַריין" אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס איינאַקטער „דער רוסישער אַמעריקאַנישער פאַריין מיט ברייטע אידעאַלן" [געדרוקט אין ג.׳ס איינאַקטערס].

אין 1897 איז דורך באָרים טאָמאַשעווסקי אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס פּיעסע: „דבורהלע מיוחסת".

וועגן דער אויפירונג פון דערדאָזיקער פּיעסע דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע זכרונות: „מיר פירן אויף „דבורהלע די מיוחסת" און מיר מאַכן אַ גוואַלדיקן דערפאָלג. מיין מאַן האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אַלס „שמשון אייזענשטאַהל, דער קאַוואַל" און די גאַנצע יידישע פּרעסע צוזאַמען מיט דער אינטעליגענץ

אונזערער אַנערקענט דאַן מיין מאַן אַלס ערשטע קלאַסע שוישפּילער. . . . איך בין געווען איבערגליקלעך פון פרייד וואָס אויך איך מיט מיין מאַן זיינען באַליבט געוואָרן מיט גאָרדינס אַ פּיעסע, ווייל דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ מין „רייס“, אַ יאָגעניש צווישן אונזערע סטאַרס איבער גאָרדינס פּיעסען. עס איז געווען די גאָרדין-פּעריאָדע און יעדער סטאַר האָט זיך געוואָלט אויסצייכנען אין גאָרדינס אַ פּיעסע“.

„דבורהלע מיוחסת“ האָט נאָר אַ געוויסע צייט זיך געהאַלטן אויף דער בינע אין אַמעריקע און איז באַלד דערנאָך אַריין אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער איבער דער וועלט.

לויט דוד פּינסקי איז די פּיעסע אַדאַפּטירט פון אָסטראָווסקיס „גריעך דאַ ביעדאַ נאַ קאָווּאָ ניע זשיוויאָט“ [קיינער ווערט ניט געבוירן אין זינד אָדער אָרעמקייט]. די פּיעסע איז אין 1907, אָן וויסן פון מחבר, דערשינען אין וואַרשע: „דבורה'לע מיוחסת, לעבענסבילד אין 4 אַקטען פון י. גאָרדין.“ [70 ז. 16°].

וועגן דעם דאָזיקן הפקרותדיקן אַרויסגעבן פון זיינע פּיעסען, באַקלאָגט זיך ג. אין אַ בריוו פון 5 מאַי 1907 צו זיינעם אַ פריינט ראָזענבלום [אָפּגעדרוקט אין „מאָמענט“]:

„אייערע וואַרשעווער אַרויסגעבער זיינען ריכטיקע „אַמעריקאַנער“. זיי האָבן געוויס פאַרגעסן מיך אָנפרעגן בעפאָר זיי זיינען געגאַנגען דרוקן מיינע פּיעסען. נאָר דאָס בין איך זיי מוחל. זיי האָבן מיך „צוקאַראַדאַשעט“ און צעקריפּלט. „די ברידער לוריע“ און „קעניג ליר“ האָבן מיך קראַנק געמאַכט. עס איז אַ שאַנדע! זיי האָבן ניט קיין ריכטיקע קאָפּיעס. סופליאָרן שרייבן איבער די פּיעסען אויסווייניק, קאָריגירן, שטעלן צו (די אַלע לידלעך זיינען ניט מיינע — גאָלדפאַדענס און לאַטיינערס) און וואַרפן אַרויס — און דאָס ווערט אין רוסלאַנד געדרוקט אונטער מיין נאָמען. איך וואָלט די אַרויסגעבער מיט פאַרגעניגן געגעבן די ריכטיקע קאָפּיעס. זיי אָבער איגנאָרירן מיך. איך האָב געוואָלט שרייבן אַ פּראָטעסט אין די רוסיש-יידישע צייטונגען, נאָר איך האָב דאָס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. און איר ווייסט דאָך . . . פריינט ראָזענבלום! אויב איר ווילט טאָן אַ פּוילן יידן אַן אמתע טובה, שרייבט אָן אַ פּאָר ציילן אין מיין נאָמען און פאַרעפנטלעכט אין די צייטונגען מיין מיינונג וועגן דער ניט ערלעכער האַנדלונג פון די אַרויסגעבער.“

אין 1897 זיינען נאָך — לויט ב. גאָרין — אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס איבערזעצונג פון לעסינגס „נתן החכם“, (איז באַלד אַראָפּ פון דער בינע און איז ניט געדרוקט געוואָרן) און ג.'ס „רייזעלע, אָדער, זעליג איציק כלי-זמר“ (אַן אַדאַפּטירונג פון שילערס „קאַבאַלע און ליבע“).

אויך „רייזעלע“ האָט ניט לאַנג זיך געהאַלטן אויף דער בינע, איז אַ געוויסע צייט שפּעטער געשפּילט געוואָרן אין איראָפּע פון מ. מערסאָן און איז קיינמאָל ניט אַרויס אין דרוק.

די באַדייטנדסטע פּיעסע פון יענעם יאָר איז געווען ג.'ס „היסטאָרישע דראַמע אין 4 אַקטען — דיאַ ווילדע פּרינצעסין אָדער מעדעאַס יוגענד“, וואָס ג. האָט ספּעציעל געשריבן פאַר קעני ליפּצין נאָך איר דערפאָלג אין זיין באַאַרבעטונג פון גרילפּאַרצערס „מעדעאַ“.

די פּיעסע איז די פאָרגעשיכטע צו גרילפּאַרצערס „מעדעאַ“ און איז אין 1898 מיט אַן הקדמה פון מ. בוקאַנסקי, דערשינען אין ניו-יאָרק מיט דער באַמערקונג: „געדרוקט פּינקטליך נאָך דעם טעקסט פון איהר [ליפּצינס] רעפּערטואַר“.

„מעדעאַס יוגנט“ איז אין איראָפּע געשפּילט געוואָרן דורך פּעני וואַדיאַ עפּשטיין, אָבער סיי דאָרט, סיי אין אַמעריקע, האָט די פּיעסע ניט געהאַט קיין אריכות ימים.

לעאָן קאָברין גיט איבער, אַז בעת ג.'ס אַ לעקציע ביי די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, האָט אַ געוועזענער רוסישער אָפיציר עפנטלעך אויסגעמוסרט ג.'ן פאַרוואָס ער האַלט רעפעראַטן וועגן מאָליער, איבסען און שעקספּיר און טוט גאָרניט פאַרן יידישן טעאַטער. דאָס האָט גורם געווען, אַז דעמזעלבן יאָר (1897) איז געגרינדעט געוואָרן די „פרייע יידישע פאָלקס-בינע“ מיטן צוועק צו אַרבעטן פאַר אַ בעסערער יידישער בינע און צו באַקעמפן דעם שונד אין יידישן טעאַטער. ג. טרעט אַריין אַלס מיטגליד און ווערט באַלד די נשמה פון פאַריין: ער האַלט רעפעראַטן ניט נאָר אין פאַריין, נאָר אויך אין עדיוקיישאָנאַל עליינס [בילדונגס-געזעלשאַפט], איז דאָרט איינער פון די הויפּט-לערער און אונטערשטיצט די אינסטיטוציע מיט זיין צייט און געלט.

וועגן זעלבן ענין גיט איבער אב. קאַהאַן: „עס איז געגרינדעט געוואָרן אַן „עדיוקיישאָנאַל ליג“, אַ געזעלשאַפט צו פירן אָוונט-קלאַסן און אָוונט-לעקטשורס פאַר אַרבעטער. גאָרדין איז געווען דאָס האַרץ פון דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט געזאַמעלט געלט פאַר איר, צוגעצויגן די בעסטע לערער און לעקטשורערס [רעפערענטן], געהאָלפן מאַכן בענעפיט-פאָרשטעלונגען, פאַרזאַמלונגען. די גרופּע וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, איז געווען טעטיק דערביי. דיזע גרופּע און די עקזעקוטיוו-קאָמיטע פון דעם „ליג“ זיינען געווען איינס און דאָס זעלבע. דאָס אַלץ האָט ענגער געמאַכט די פריינטשאַפט פון די מיטגלידער צווישן זיך און פון אַלעמען אינאיינעם צו גאָרדינען“.

וועגן ג.'ס איינפלוס אויף דער דאָזיקער סביבה שרייבט לעאָן קאָברין אין זיינע זכרונות: „. . . עס איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס אויף דעם קרייז פון דער רוסיש-יידישער אינטעליגענץ איז זיין איינפלוס אַזוי גרויס געווען. מיט דעם שטאַרקן ווילן פון דעם געבוירענעם פירער האָט ער פון צווישן די מענטשן אַרום אים געשאַפן זיך אָנהענגער און מיט דעם עטישן וואָרט פון דעם געבוירענעם לערער האָט ער אויף זיי געווירקט. . . . די היגע יידישע אינטעליגענץ, יעדנפאַלס דער גרעסטער טייל פון איר, אַנדערע צווישן זיי אפשר געבילדעטער איידער גאָרדין, איז אינגאַנצן באַהערשט געווען פון אים. לייענט ער פאָר אַ לעקציע, קומט אים הערן די גאַנצע סמעטענע פון דער יידישער אינטעליגענץ. ער איז ווייט ניט קיין גרויסער רעדנער — אויף דער יידישער גאַס האָט מען אַ סך בעסערע רעדנער געהאַט — און דאָס וואָס ער זאָגט, האָבן אַנדערע פון די צוהערער, קאָן זיין, שוין אויך אַמאָל געהערט אָדער געלעזן, צי גאָר אַליין אין אַ לעקציע אַרויסגעזאָגט — און דאָך הערן זיי אים שטענדיק אויס מיט דעם העכסטן אינטערעס. ווייל גאָרדין רעדט עס, ווייל די מיינונגען, פון אים אַרויסגעזאָגט, מעגן זיי אפילו אין זיך ניט האָבן קיין שום נייעס, באַקומען אַ נייע וויכטיקע באַדייטונג. די רוסיש-יידישע אינטעליגענץ איז ווייט פון דער יידישער בינע. אָבער גרינדעט זיך די „פרייע יידישע פאָלקס-בינע“ און גאָרדין טרעט אַהין אַריין, גייט די רוסיש-יידישע אינטעליגענץ נאָך אים אַהין, אפילו דער גוי סטאָלעשניקאָוו אויך, און יידיש טעאַטער ווערט מיט אַמאָל ביי זיי אַן אידעאַל. און טרעט דערנאָך גאָרדין אַרויס פון דער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע“ גייט מיט אים אַוועק כמעט די גאַנצע אינטעליגענץ פון דאָרט. די היגע יידישע אינטעליגענטן האָבן זיך פּשוט געבויגן פאַר אים. . . . אַזוי ווי ער זיצט דאָרט צווישן זיי . . . דערמאָנט ער אַ סך אָן אַן אַפּאָסטאָל פון די ביבלישע צייטן אין דעם קרייז פון זיינע תלמידים און חסידים.“

ב. גאָרין באַמערקט וועגן דאַמאָלטיקן מצב אין יידישן טעאַטער: „אַזוי ווי גאָרדין איז געווען דער איינציקער שרייבער, וואָס האָט געקאָנט שאַפן אַ בעסערע פּיעסע און וואָס האָט געקאָנט מאַכן

די רעפּוטאַציע פון אַ שוישפּילער, האָט זי [קעני ליפּצין] אָנגעהויבן אויפצופירן פון צייט צו צייט זיינע דראַמען. זי האָט ניט געקאָנט שטעלן קיין סך פּיעסען, נאָר דערפאַר האָט זי געהאַט די מעגלעכקייט, אַ דאַנק איר אויסעראָרדנטלעכער לאַגע, צו מאַכן די ווייניקע פּיעסען אַזוי פּאָפּולער, אַז זיי האָבן צו זיך געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט זי זיך איינגעשאַפט אַ קליינעם רעפּערטואַר און דער געווינס איז געווען אַ קעגנזייטיקער: איר נאָמען איז פאַרבונדן געוואָרן מיט דער גאָרדינישער דראַמע און פאַר גאָרדינען האָט זיך אָנגעהויבן די סאַמע וויכטיקע עפּאָכע פון זיין שאַפן. נאָר דערווייל האָט זיך די בעסערע דראַמע נאָך ניט איינגעוואָרצלט אויף דער בינע און צו שטעלן אַ גוטע פּיעסע האָט געהייסן מקריב צו זיין די אינטערעסן פון דער קאַסע. קיין געלט האָט מען פון אַזאַ שטיק ניט ערוואַרט און אַזאַ פאַרגעניגן האָט מען זיך ערלויבט אַ מאָל אין אַ שמיטה. . . . גאָרדין איז פאַרשטופּט געוואָרן צום הינטערגרונט און מען האָט אים זעלטן געזען אויף דער בינע און אַזוי ווי אין דער צייט האָט שוין ניו-יאָרק פאַרמאָגט צוויי ראַדיקאַלע טעגלעכע צייטונגען, איז ער אַריינגעטראָטן אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס“ און האָט דאָרטן געשריבן נייעס, אַרטיקלען, סקיצן פאַר צען אָדער צוועלף דאָלאַר אַ וואָך“.

ג. וואָלט אינגאַנצן באַזייטיקט געוואָרן פון דער יידישער בינע, ווען די אַקטיאָרן, ווי ב. גאָרין גיט איבער, וואָלטן ניט געווען געצוואונגען איינצופירן, אַז די ערשטע און לעצטע פּיעסען פון סעזאָן זאָלן גענומען ווערן פון בעסערן רעפּערטואַר: אַזוי ווי די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז דער אָנהויב און סוף פון סעזאָן ברענגען סיי ווי ניט קיין איינאַמעס, האָבן די פּאַטענטירטע טעאַטערשרייבער פּשוט זיך אָפּגעזאָגט צו שטעלן דאַמאָלט זייערע פּיעסען. די אַקטיאָרן האָבן דאַמאָלט אַזאַ פּיעסע גערופן „ערן-פּיעסע“.

„די חזקה אויף דעם אָנהויב און סוף סעזאָן — שרייבט ב. גאָרין — האָט געהאַט יעקב גאָרדין און דאָס איז געווען אינגאַנצן, וואָס אים איז פאַרבליבן פון זיין פריערדיקער טעטיקייט אויף דער בינע“.

דעם 19 אויגוסט 1898 איז אין טאַליאַ-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס „לעבענסבילד אין 4 אַקטן — די אידישע קעניגין ליר אָדער מירעלע אפרת“ (מוזיק פון יאַריכאָווסקי) מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„מירעלע אפרת“ — קעני ליפּצין
„יאָסעלע“ — דוד קעסלער
„דאָניע“ — ס. טאָביאַס
„מחלה“ — מערי עפּשטיין
„ר' שלמון“ — מאָריס מאָשקאָוויטש
„נחומצע חנה דבורה'ס“ — ס. טאָרנבערג
„חנה דבורה“ — מערי ווילענסקי
„שיינדעלע“ — דיינע פיינמאַן
„שלמה'לע“ — ציליע פיינמאַן.

אין משך פון שפּילן איז די פּיעסע פּאָפּולער געוואָרן אונטערן נאָמען „מירעלע אפרת“.

ב. גאָרין שרייבט: „אַ נייע עפּאָכע אין זיין שאַפן הויבט זיך אָן פון „מירעלע אפרת“. דער יסוד פון „מירעלע אפרת“ איז דער זעלביקער ווי פון „יידישן קעניג ליר“. ביידע זיינען באַזירט אויף שעקספּירס באַרימטע טראַגעדיע, נאָר ווי גרויס איז דער שפּרונג פון „ליר“ צו „מירעלע אפרת“. אין „ליר“ זעט מען ווי דער פּראָפעסאָר האָט מורא אַליין צו מאַכן אַ טריט און ער כאַפּט זיך אַלע וויילע פאַר שעקספּירס פּאָלע. אָבער אין „מירעלע אפרת“ שטייט שוין גאָרדין פעסט אויף זיינע אייגענע פיס. די האַנדלונג, די פּערזאָנען, האָבן קיין שום שייכות ניט מיט שעקספּירס טראַגעדיע און די פּיעסע איז אינגאַנצן זיינע אַן אייגענע. אין „מירעלע אפרת“ האָט גאָרדין געפונען זיין וועג. אַנשטאָט דעם וואָס ביז דאַמאָלט האָט ער אין זיינע דראַמען באַנוגנט זיך מיט שילדערן דראַמאַטישע פּאַסירונגען, וואָס האָבן בלויז געהאַט אַ שייכות איינע מיט דער אַנדערער, האָט ער זיך איצט מער אָפּגעשטעלט אויף דער פּסיכאָלאָגישער זייט פון דער האַנדלונג. מיט אַנדערע ווערטער, אַנשטאָט אַ גרופּירונג פון דראַמאַטישע באַגעבנהייטן, האָט זיך באַקומען די אַנטוויקלונג פון אַ גאַנצער האַנדלונג, און דערמיט הויבט ער זיך אויף צו אַ העכערער מדרגה פון קונסט און זיינע ווייטערדיקע דראַמען האָבן אָנגענומען די נייע העכערע פאָרם.“

אַב. קאַהאַן שרייבט וועגן דערדאָזיקער פּיעסע: „אין „מירעלע אפרת“ האָט זיך גאָרדין באַנוצט מיט זיינע בעסטע קרעפטן, און דאָס איז מעגלעך געווען ווייל ער האָט פאַר זיך געהאַט אַ קלאָרן, באַשטימטן דראַמאַטישן פּלאַן. די אַלע נאַטירלעכע, איינפאַכע, רירנדיקע געשפּרעכן, וועלכע פאַרדינען דעם נאָמען ליטעראַטור, זיינען נאַטירלעך אַרויסגעוואָקסן פון די סצענעס און די סצענעס זיינען נאַטירלעך אַרויסגעוואָקסן פון דעם אַלגעמיינעם פּלאַן. דער רעזולטאַט איז, אַז מיט אַלע אירע פעלערן איז „מירעלע אפרת“ אַ פּיעסע, וועלכע פאַרדינט פולשטענדיק דעם גלענצענדן דערפאָלג, וואָס זי האָט שוין אַזוי פיל יאָר. . . . אין אַלגעמיינעם אַ שטיק, וועלכע איז זייער שפּאַנענד אויפן סטיידזש [בינע] (שפּאַנענד אין בעסערן זין פון וואָרט) און וועלכע אין איר געשריבענער פאָרם מאַכט דעם איינדרוק פון עטוואָס אַזעלכעס, וואָס שטייט אויפן מיטלפּונקט צווישן שונד און ליטעראַטור, ווי פּרץ האָט זיך אויסגעדריקט, שרייבנדיק וועגן גאָרדינען.“

דר. מוקדוני שרייבט: „די בעסטע דראַמע גאָרדינס — „מירעלע אפרת“ איז די קלענסטע בירגער-דראַמע. . . . אַלץ איז פאַרלייגט מיטן גרויען שטויב פון בירגערלעכן לעקסיקאָן, פון בירגערלעכן פאַרשטאַנד“.

ז. קאָרנבליטה אין „די דראַמאַטישע קונסט“ שרייבט: „מירעלע אפרת“, יעקב גאָרדינס „קעניגין ליר“, האָט נאָר איין צענטראַל פיגור. די גאַנצע האַנדלונג באַוועגט זיך אַרום מירעלען. . . . די פונדאַמענטאַלע אידעע פון „מירעלע אפרת“ איז די זעלבע ווי אין „קעניג ליר“, אויסגעדריקט מיט געשיקטער טעכניק און מיט קרעפטיקן און זיכערן דראַמאַטישן טאַלאַנט אין אַ קינסטלעריש בילד פונם יידישן לעבן אין רוסלאַנד, אין דער צייט, ווען די השכלה האָט שוין געהאַט איינגעבראָכן די פעסטונגען פון דעם שיינעם טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן און האָט זיך אַריינגעריסן אין אָט דעם לעבן ווי אַ קאַריקאַטור פון דער השכלה. יעקב גאָרדין האָט גאָרניט גענומען פון שעקספּירן . . . ביי גאָרדינען איז דער געדאַנק אַריינגעדרונגען אין אַ גאַנץ אַנדער לעבן און האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ גאַנץ אַנדער פאָרם ווי ביי שעקספּירן.“

ענלעך שרייבט דוד פּינסקי: „ערשט אין „מירעלע אפרת“ געלינגט גאָרדינען דורכצופירן די הויפּט-פיגור. ער פירט זי ניט ריכטיק אַרויף. ער שטעלט זי אונז פאָר אונטער אוממעגלעכע אומשטענדן. ער טוט עס, ווי געזאָגט, אום צו האָבן אַ פּאַיאַץ, אַ פריילעך-מאַכער אין דעם שטיק, נאָך גאָלדפאַדענס מעטאָדע. אָבער באַלד פאַרגעסן מיר עס. עס קומט אַ שטייגן אין דער פּיע-

סע. די האַנדלונג שטייגט פון אַקט צו אַקט, די באַגעבנהייטן
ווערן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, מירעלע וואַקסט פאַר אונז".
דער דערפאָלג פון „מירעלע אפרת" איז געווען זייער באַדייטנד.
די טיטל-ראָל האָט אַרויסגעבראַכט אין פראָנט פון די יידישע
בינע-קינסטלער די אַקטריסע קעני ליפּצין, וועלכע האָט געהאַט
דאָס איינציקע אויפפירונג-רעכט פון דער פּיעסע. דער אַקטיאָר
טאָרנבערג האָט געהאַט אין דער פּיעסע זיין ערשטן באַדייטנדן
דערפאָלג.

בערך 1905 איז די פּיעסע „מירעלע אפרת" געבראַכט געוואָרן
אין אייראָפּע, וואו זי איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן
אין רוסלאַנד, מיט מרים טרילינג אַן דער טיטל-ראָל. „מירעלע
אפרת" איז אויך באַלד געוואָרן די קרוין-ראָל פון אסתר רחל קאַ-
מינסקי.

וועגן אַן אויפפירונג פון „מירעלע אפרת" אין פּעטערבורג, שרייבט
נח פּרילוצקי: „מירעלע אפרת — דאָס איז דער טיפער ליטע-
ראַרישער טיפּ, אין וועלכן דער קינסטלער, דער פּראַכטפולער קע-
נער פון יידישן לעבנסשטייגער, האָט פאַרקערפּערט די „בריינ-
דעלע קאָזאַק". אַ פּערל פון קונסט איז דאָס, ווייל פון זעלטן
ריינע, איידעלע, גייסטיקע, אַריסטאָקראַטישע ליניעס איז זי אויס-
געוועבט. **נאָר זייער אַלטע פעלקער קאָנען אַרויסגעבן אַזעלכע**
שיינע, טיף-מענטשלעכע גייסטער. . . . נאַציאָנאַל-יידיש נאָכן
גייסט, איז מירעלע אפרת נאָך די אויסערלעכע אַקסעסואַרן פון
איר לעבן און טעטיקייט אַ כאַראַקטעריסטישע פאָרשטייערין פון
איין באַשטימטער עפּאָכע אין אונזער לעבנסשטייגער. זי פאַר-
קערפּערט די שענסטע שטריכן פון דער אַלטער פאַרמאַציע פון
יידישן לעבן אין רוסלאַנד, פון דער פאָרמאַציע, וואָס איז שוין
כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן און גוססט נאָך ערגעץ אין די פאַר-
וואָרפענע ווינקעלעך אויף דער פּראָווינץ."

אין 1908 האָט אַן אוקראַאינישע טרופּע אויפגעפירט „מירעלע
אפרת" אין אוקראַאיניש (רעזשי זאַבאַראָוו, ראָל „מירעלע" —
מירסקאַיאַ).

לויט י. מעסטעל איז אין יענע יאָרן אויך אויפגעפירט געוואָרן
די פּיעסע אין אוקראַאיניש אין סטאַדניקס טרופּע אין לעמבערג
(מיט פר. סטאַדניק אין דער טיטל-ראָל).

דעם 22 אָקטאָבער 1921 איז „מירעלע אפרת" אין דער העברע-
אישער איבערזעצונג פון בן-עזריאל [בן-ציון ידידיה] אויפגעפירט
געוואָרן אין ירושלים אין טעאַטער ציון.

בערך פעברואַר 1927 איז „מירעלע אפרת" אויפגעפירט געוואָרן
אין אונגאַריש אין מונקאַטש.

אין יוני 1929 האָט מאַרק אָרנשטיין אויפגעפירט אין פּויליש
זיינע אַ באַאַרבעטונג פון „מירעלע אפרת" א"נ „מירעלע".

די אויפפירונג האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און איז באַלד
דערנאָך אויפגעפירט געוואָרן דורך אייניקע פּוילישע טרופּעס
איבער דער פּוילישער פּראָווינץ.

דעם 10 מערץ 1930 איז „מירעלע אפרת" אויפגעפירט געוואָרן
אין שטאָטישן טעאַטער אין רוים — אין איטאַליעניש (מיט דער
יידיש-איטאַליענישער שוישפּילערין סאָניאַ [אָדער טאַניאַ] פּאַוו-
לאָווא אין דער טיטל-ראָל).

בערך 1912 איז אין רוסלאַנד „מירעלע אפרת" אויפגעפירט
געוואָרן אין פילם מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל: „מירעלע אפרת"
— אסתר רחל קאַמינסקי, „יאָסעלע" —יוליוס אַדלער, „שלמן" —
אברהם יצחק קאַמינסקי, „שיינדעלע" — רעגינאַ קאַמינסקי,
„שלמה'לע" — אידאַ קאַמינסקי, „נחמצע חנה דבורה'ס" — וויים-
מאַן, „חנה דבורה" — יערמאַלינאַ ווייסמאַן.

אין 1898 איז די פּיעסע דערשינען אין ניו-יאָרק און אויסגעהאַלטן
אייניקע אויפלאַגעס. אין דער יובילײ-אויסגאַבע פון 1901 איז
אויך אָפּגעדרוקט צו דער פּיעסע מ. ווינטשעווסקיס אַ פּראָלאָג
אין גראַמען, אין וועלכן ס'גייט דורך אַ כאַראַקטעריסטיק פון גאָר-
דינס שאַפן.

אין 1913 איז די פּיעסע איבערגעדרוקט געוואָרן אין וואַרשע.

אין 1909 איז „מירעלע אפרת" געדרוקט געוואָרן אין אַ רוסי-
שער איבערזעצונג אין זשורנאַל „טעאַטער אי איסקוסטוואָ" [דער-
שינען דערנאָך אין אַ סעפּעראַטער אויסגאַבע פון ט. הייליקמאַן]
און איז אויפגעפירט געוואָרן מיט דערפאָלג אויף דער רוסישער
בינע.

אין 1910 איז „מירעלע אפרת" דערשינען אין קיעוו אין דער
אוקראַאינישער איבערזעצונג פון ש. פאָלאָנער.

אין 1919 איז אין מינכען דערשינען אַ דייטשע איבערזעצונג פון
„מירעלע אפרת" (איב. אַלעקסאַנדער עליאַסבערג).

אין „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", ניו-יאָרק, איז דערשינען די
מוזיק: „חופּה-טאַנץ" פון „מירעלע אפרת", אַראַנזשירט פון י. מ.
רומשיסקי.

דעם 22 נאָוועמבער 1898 ווערט אויפגעפירט דורך „ליב-
האָבער" אויף אַ בענעפיס-פאָרשטעלונג לטובת דער סאָציאַליסטי-
שער צייטונג „דאָס אַווענד-בלאַט", ג.'ס צוויי-אַקטער „דער קרי-
זיס" [דערנאָך דערשינען אין זיינע „איינאַקטערס"], געבויט אויף
צייט-פּאַסירונגען.

אין זעלבן יאָר איז — לויט ב. גאָרין — אויך אויפגעפירט גע-
וואָרן אין ניו-יאָרק דורך אַדלערן ג.'ס אַ פּיעסע „קאַפּיטאַן דריי-
פוס", וואָס איז געגאַנגען נאָר אַ קורצע צייט.

אין 1899 זיינען — לויט ב. גאָרין — אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס
באַאַרבעטונג פון אָקטאַוו מירבאָס „די שלעכטע פּאַסטוכער" [שפּע-
טער דערשינען אין ווילנע אין אַן אַנדערער איבערזעצונג א"נ „זשאַן
און מאַדלענאַ"] און ג.'ס „די יידישע געטאָ — אַ לאָקאַלע פאָלקס-
שטיק" (נאָך זאַנגווילס „קינדער פון דער געטאָ").

וועגן „די יידישע געטאָ" דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אי-
רע זכרונות: "קאַברין האָט דאַן אָנגעשריבן פאַר קעסלערן אין
טאַליאַ-טעאַטער אַ פּיעסע „די איסט סייד געטאָ", און דער נאָ-
מען „געטאָ" איז געוואָרן זייער פּאָפּולער. האָבן מיר אויך גע-
וואָלט זיין „אין מאַרקעט" [האָבן אַ גאַנגבאַרע סחורה] און מיר
האָבן געאָרדערט [באַשטעלט] ביי גאָרדינען אַ געטאָ-פּיעסע. אין
צוויי מעת-לעת האָט גאָרדין אונז צוגעשטעלט אַ גאַנצע פּיעסע.
מיר האָבן געמאַכט פּראָבע אַקטן-ווייז און גאָרדין האָט אונז אַלע
ווילע אונטערגעשיקט פאַרשריבענע בלעטלאַך מיט „פּראָזע". קאָב-
רינס „איסט סייד געטאָ" האָט געמאַכט אַ גוואַלדיגן סוקסעס און
ביי אונז איז גאָרדינס „געטאָ" דורכגעפאַלן מיט פּויקן און טראָמ-
פּייטן. מיר האָבן דאַן אויפגעפירט קאָברינס „דער פאַרלוירענער
גן-עדן" און די פּיעסע האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן בייפאַל. דאָס
איז געווען אַ סענסיישאָן [סענסאַציע] און אין דער טעאַטער-וועלט
האָט מען גענומען אונטערמורמלען, אַז קאָברין וואַקסט אַ קאָנקו-
רענט צו גאָרדינען".

באַלד דערנאָך האָט טאָמאַשעווסקי אויפגעפירט ג.'ס „מוזיקאַ-
לישע דראַמע — דודל משורר אָדער דאָס איבערגעריסענע ליד".

דער פּערסאָנאַל פון דער פּרעמיערע איז — לויט דוד לעווענסאָן
— באַשטאַנען פון:

„פּיציע מנגן" — דוד לעווינסאָן
„פריידע העניע" — פּאַולינאַ עדעלשטיין
„דודל" — באָריס טאָמאַשעווסקי

„נחמן לייב“ — אברהם פישקינד
„צירעלע“ — סעראַ אַדלער
„זכריה צמך“ — סעמועל טאָרנבערג
„רחמיליק בימבאַם“ — לעאָן בלאַנק
„שמואל קוואַטש“ — לייבוש גאָלד
„אַ יונגער חזן“ — סאָלאָמאָן מאַנע
„גראַף באַרצינסקי“ — טשאַרלז נאַטאַנסאָן
„בראָניסלאַוו“ — סעמועל גרינבערג
„בעלאַ“ — סאָפיאַ קאַרפּ
„פּעטער איוואַנאָוו“ — *.

בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט אין אירע זכרונות וועגן דער פּיעסע: „דעם סוזשעט פון „דודל משורר“ האָט גאָרדין גענומען פון אַן אמתע[ר] פּאַסירונג, וואָס האָט געטראָפן מיט דעם זון פון דעם וועלט-באַרימטן חזן ניסי בעלזער [דאָ גייט די פּאַסירונג].

„גאָרדין האָט די געשיכטעלע באַאַרבעט אַזוי גוט, טאַקע ווי נאָר גאָרדין האָט געקענט און די פּיעסע האָט געמאַכט אַ גרויסן סוקסעס“.

אָבער אויך דידאָזיקע פּיעסע האָט לאַנג זיך נישט געהאַלטן אויף דער בינע. שפּעטער איז זי אויף אַן אומלעגאַלן אופן געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע, דאָרט געשפּילט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן [„דוד משורר — אַ דראַמע אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין, פשעמישל“].

וועגן ג.׳ס דאַמאָלדיקן שאַפן שרייבט דוד פּינסקי: „. . . און דאָך איז גאָרדין נאָך „מירעלע אפרת“ ווי אַ נייער, ווי אַ גאַנץ אַנדערער. עס איז, ווי „מירעלע אפרת“ וואָלט אַראָפּגענומען אַ כשוף, וועלכער איז געלעגן אויף זיינע שאַפנדיקע כחות. ער גיט מיט אַ מאָל אַ וואַקס, ער געפינט זיך אַליין, ער געפינט זיין וועג. ער פאַרפאַסט נאָך אפילו און באַאַרבעט . . . [שפּעטער דערמאָנטע פּיעסען] און נאָך אייניקע — גאַנץ [אין] דעם גייסט פון די שונד-שרייבער, אָבער זיי נעמען זיך אויס איצט אין זיין שאַפן ווי צופעליקייטן, פאַרבלאָנדזשעענישן, ווי אָפּגערופעניש פון אַ מאָל“.

אַ דאַנק ג. שטייגט אויך דער האָנאָראַר פאַר פּיעסען אין יענער צייט. ב. גאָרין באַמערקט וועגן דעם: „מיט עטלעכע יאָר צוריק איז הונדערט דאָלאַר פאַר אַ פּיעסע געווען אַ נישקשהדיקער פּרייז, נאָר „מירעלע אפרת“ האָט דעם פּרייז באַדייטנד אַ הויב געטאָן, און ווען נאָכדעם האָט קעסלער באַשטעלט ביי גאָרדינען דריי פּיעסען פאַר אַ סעזאָן, האָט די סומע באַטראָפן אַכצען הונדערט דאָלאַר“.

1899-1900 האָט ג. פאַרעפנטלעכט אין „די פרייע געזעלשאַפט“ אַ סעריע אַרטיקלען: „די גרויסע וועלט-דראַמע“.

בערך אין דער זעלבער צייט איז דורך יעקב פּ. אַדלער אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס פּיעסע „שלמה חכם“.

אין 1899 איז אין ווינדזאָר-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן קאָבריןס פּיעסע „מינאַ“, וועלכע איז שוין פריער דורך אַ קאָנקורס אָנגענומען געוואָרן צום אויפירן אין פאַריין „פרייע יידישע פאָלקס-בינע“. די פּיעסע איז באַאַרבעט געוואָרן פון ג. און הגם לויט קאָנטראַקט האָט דער האָנאָראַר און דער נאָמען פון מחבר געדאַרפט געטיילט ווערן צווישן קאָברין און ג., איז די פּיעסע אין ווינדזאָר-טעאַטער אָנאָנסירט געוואָרן: „מינא, אָדער נאָראַ פון יידישן קוואַרטאַל, פאַרפאַסט פון יעקב גאָרדין, איניציאַטיווע פון לעאָן קאָברין“.

דאָס האָט געפירט צו אַ סכסוך צווישן קאָברין און ג. אויך די צייטונג „אָווענד-בלאַט“ איז אַרויסגעטראָטן קעגן ג.

ב. גאָרין שרייבט וועגן דעם: „אויב יעקב גאָרדין האָט צו

„מינא“ צוגעלייגט אַ האַנט, איז אָבער זיין אַרבעט ניט געווען אַזאַ, וואָס זאָל אים באַרעכטיקן צו אַ פּרעטענזיע פון כלה שלי. ער האָט קאָברינען אָנגעוויזן וואָס צו פאַרבעסערן, וואָס צו פאַרפיינערן אין דעם שטיק און האָט אַליין צוגעשריבן דעם פערטן אַקט. און דער פאַקט, אַז גאָרדין האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט צו אַנטפּלעקן פאַר אַן אָנפאַנגער די סודות פון דראַמען-שרייבעריי און געהאָלפן אים צו שטעלן זיין שטיק אויף דער בינע, ווייזט בשום אופן ניט, אַז ער זאָל וועלן פאַרנעמען אַ טייל פון אַ פרעמדן פאַרפאַסער. מען דאַרף דעריבער פאַרשטיין, אַז דאָס האָט דער טעאַטער ניט געוואָלט האָבן אויף דער אַפישע און פּראָגראַם דעם נאָמען פון אַן אָנפאַנגער. דער אַקטיאָר האָט קיין צוטרוי ניט געהאַט צו אַ נייעם שרייבער, הגם דער נאָמען קאָברין איז שוין געווען באַקאַנט די לעזער פון דער בעסערער ליטעראַטור אין אַמעריקע“.

אויך קאָברין, וועלכער באַהאַנדלט דעם אינצידענט אויספירלעך אין זיינע „ערינערונגען“, גיט צו, אַז ג. איז לכתחילה ניט אויסן געווען אויסצוגעבן „מינא“ אַלס זיין (ג.׳ס) פּיעסע.

אַ באַדייטנדיק דערפאָלג האָט געהאַט ג.׳ס פּיעסע „די שחיטה“, וועלכע איז בערך 1899 אויפגעפירט געוואָרן אין טאַליאַ-טעאַטער מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל [לויט דזש. קאָהן]:

„בצלאל ראַפּאָפּאָרט“ — דוד קעסלער.
„שיינע העניע“ — איידאַ בריה
„בענטשיק“ — מערי ווילענסקי
„אלקנה“ — מאָרים מאָשקאָוויטש
„די דייטשקע“ — צילע גאָלד
„זיסל קרוינעס“ — זיגמונד מאָגולעסקאָ
„קרוינע“ — בינע אַבראַמאָוויטש
„אסתרקע“ — קעני ליפּצין
„שמואל יאָסל“ — דזש. קאָהן.

דוד פּינסקי שרייבט וועגן דער פּיעסע: „. . . איך וואָלט געשוואוירן, אַז אויך „די שחיטה“ מיט איר גאַנצן יידישן אַרום פון רבנים, שוחטים און לומדים, איז געבוירן געוואָרן מיט דעם כח פון אַ גוי. איך געפין אין איר אַ סצענע פון אָסטראָווסקיס „ניע טאַק זשיווי קאַק כאָטשעטסיאַ“ . . . איך מוז מיך וואונדערן ווי גאָרדין איז צו אים [דעם טיפּ בצלאל ראַפּאָפּאָרט] געקומען. דאָס הערט מיר אָבער אויף קשה צו זיין ווען איך באַדענק, אַז צלאל ראַפּאָפּאָרט איז אַ זון פון דעם קופּיעץ [סוחר] פּיאָטר, אָסטראָווסקיס שיכורן העלד“.

„די שחיטה“ איז אַלס אייגנטום-רעכט פון קעני ליפּצין, געשפּילט געוואָרן אין אַמעריקע כמעט נאָר דורך איר.

אין 1907 האָט יוליוס אַדלער געבראַכט די פּיעסע אין פּוילן און זי אויפגעפירט אין וואַרשע [„אסתרקע“ — אסתר רחל קאַמינסקי, „בצלאל ראַפּאָפּאָרט“ — אברהם יצחק קאַמינסקי, „שמואל יאָסל“ — יוליוס אַדלער.] זייט דאַמאָלט איז זי פאַרבליבן אין רעפּערטואַר פון דער יידישער בינע אין אייראָפּע.

אין 1908 איז „די שחיטה“, אָן וויסן פון מחבר, דערשינען אין וואַרשע.

אין 1910 איז „די שחיטה“ אויפגעפירט געוואָרן אין רוסיש אין דער איבערזעצונג פון מ. פּאָנבערג. די איבערזעצונג איז באַלד דערויף דערשינען. מען גיט אויך איבער, אַז די פּיעסע איז אויך אויפגעפירט געוואָרן אין אוקראַאיניש.

בערך 1925 איז „די שחיטה“ געשפּילט געוואָרן אויף העברעאיש אין ארץ ישראל.

אין 1929 האָט מאַרק אַרנשטיין אין זיין איבערזעצונג און באַאַרבעטונג אויפגעפירט „די שחיטה“ אויף דער פּוילישער בינע.

אין „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני“ איז דערשינען דאָס „טרינק-ליד“ (פון „די שחיטה“), אַראַנזשירט פון י. רומשיסקי.

אַ גרויסן דערפאָלג האָט געבראַכט די אויפירונג פון ג.׳ס „גאָט, מענטש און טייוול“, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 21 סעפּטעמבער 1900 אין טאַליאַ-טעאַטער מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„הערשעלע דובראָוונער“ — דוד קעסלער
„פּעסעניו“ — מערי ווילענסקי
„לייזער בדחן“ — ס. טאָרנבערג
„פּריידעניו“ — בערטאַ קאַליש
„ציפּעניו“ — דיינע פיינמאַן
„חאַצקעל דראַכמע“ — לעאָן בלאַנק
„דאָבע“ — סאָניע נאַדאָלסקי
„מאָטעלע“ — דזשייקאָב קאָהן
„אוריאל מזיק“ — מאָרים מאָשקאָוויטש.

לואי מילער האָט אין 6 אַרטיקלען אין „פאָרווערטס“ [25 סעפּט. — 5 אָקט. 1900] אָנגעוויזן, אַז די פּיעסע איז גענומען פון „איוב“ און „פויסט“ און אַז „די צוזאַמענשטעלונג“, וואָס ג. האָט געמאַכט, „טויג ניט“. צוליב דעם איז אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן אים און ג.

גאָרין פאַרצייכנט אפילו אַז די אויפפירונג איז דורכגעפאַלן, אָבער די פּיעסע איז פאַרבליבן אַלס איינע פון די סאַמע פּאָפּולערסטע אין יידישן טעאַטער-רעפּערטואַר און איז דערנאָך יאָרן לאַנג געשפּילט געוואָרן פון קעסלערן, וועלכער האָט געהאַט דאָס איינציקע רעכט אויף איר.

„אין „גאָט, מענטש און טייוול“ — באַמערקט ב. גאָרין — האָט מאָרים מאָשקאָוויטש אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט מיט זיין שפּילן אין דער סאַמע וויכטיקער ראָל פון „אוריאל מזיק“. אין דער זעלביקער דראַמע האָט זיך אויך אויסגעצייכנט לעאָן בלאַנק אין דער קליינער ראָל פון „דראַכמע“.“



פראַגמענט פון ג.׳ס מאַנוסקריפּט פון איינאַקטער „אַ טענה צווישן מאַן און פרוי“ — אין באַזיץ פון יואל ענטין

דוד פּינסקי שרייבט וועגן דער פּיעסע: „נאָר איינמאָל ווענדעט זיך גאָרדין צו דער וועלט פון באַדייטנדע פּראָבלעמען, דאָס איז אין „גאָט, מענטש און טייוול“. . . . דאָס פּראָבלעם איז

גרויס, באַדייטונגספול, פון אַלע ביזאַהעריקע גאָרדיןס ווערק האָט דאָס שטיק דעם בלייבנדסטן ווערט; דורך דאָס געשטעלטע פּראָבלעם פאַרדינט עס אויך אַ פּלאַץ אין דער וועלט-ליטעראַטור. לייִדער האָט גאָרדין קאָנען ניט אויסגערייכט דאָס פּראָבלעם ריכטיק דורכצופירן. . . . און ווערליק גאָרדין האָט באַשאַפן אין „גאָט, מענטש און טייוול“ אויסגעצייכנטע עפּיזאָדן-פיגורן מיט אַ זייער געלונגענעם מזיק, איז די הויפּט-פיגור, דער פרומער סופר, די בלייִבע שאָטן-באַשעפעניש פון איין אויגן-פאַרבלענדעניקן פּאָקוסניק“.

וועגן דעם רושם, וואָס די פּיעסע האָט געמאַכט אין יענער צייט, שרייבט אב. קאַהאַן אין זיינע זכרונות: „מען האָט גאָרדינען גענומען פאַרגלייכן צו איבסענען. די אַמעריקאַנער דראַמע איז דאַן געשטאַנען ניט אין ערך נידריקער ווי זי שטייט היינט. וועגן פּיעסען מיט ראַדיקאַלן אינהאַלט האָט מען אויף בראָדוויי אפילו ניט געקאָנט טרוימען. אין פראַגען פון הייראַט און ליבע האָט מען אויף אַן ענגליש-ריידנדער בינע אין יענע יאָרן זיך געמוזט האַלטן ביי דער שטרענגער פּוריטאַנישער פרומקייט. אַלץ האָט געמוזט זיין ווי גאָט האָט געבאָטן. און ווען יידישע קאַלעדזש-סטודענטן פון דער איסט-סייד האָבן דערציילט די פאָרטגעשריטענערע פון זייערע פּראָפעסאָרן, אַז אויף דער בויערי, אויף יידיש, שפּילט מען ווערק, וואָס האָבן אַן איבסענישן כאַראַקטער און האָבן אַ הויכן ליטעראַרישן ווערט, האָט דאָס אויף אייניקע פון די דאָזיקע פּראָפעסאָרן געמאַכט אַן איינדרוק. אַ פּאָר פון די יידישע סטודענטן האָבן זייערע פּראָפעסאָרן געבראַכט זען גאָרדינס פּיעסען“.

ענלעכס דערציילט לעאָן קאָברין.

ב. גאָרין גיט איבער, אַז מיט דער צייט האָבן די שונד-פּיעסען מער ניט געבראַכט קיין פּובליקום, די בעסערע פּיעסען פלעגן שוין ציען פולע הייזער און זיינען אַזוי פון „ערן-פּיעסען“ מיטאַמאָל געוואָרן „ברויט-פּיעסען“: „איז די בעסערע פּיעסע געוואָרן די תושבטע און האָט זיך ברייטלעך אויסגעזעצט אויף דער בינע [פון טאַליאַ-טעאַטער]. דער יידישער טעאַטער, הגם ער איז געווען אויף אַ פאַרוואָרפענער גאַס און אויף יעדן טריט האָט מען זיך אָנגעשטויסן אָדער אויף אַ שכור אָדער אויף אַ גאַסן-מיידל פון סאַמע רינשטאָק, האָט אָנגעהויבן ציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער העכערער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ . . . . . . עטלעכע אַמעריקאַנער באַרימטע קריטיקער האָבן אויסגעשטעלט דעם יידישן טעאַטער פאַר אַ ביישפּיל צו דעם אַמעריקאַנעם פּובליקום און האָבן באַדויערט וואָס אויף דער אַמעריקאַנער בינע שטעלט מען ניט אַזעלכע ערנסטע פּיעסען ווי אין יידישן טעאַטער“.

ג. אַליין האָט זיך אויך דערפילט דרייסטער און פלעגט אפילו — לויט ל. קאָברין אַרויסטרעטן מיט רעדעס: „. . . . דאָס טעאַטער איז ניט קיין טינגל-טאַנגל באַלאַגאַן, ניט קיין פּלאַץ צו אַמוזירן אויף אַ נאַרישן אופן אַ נאַריש פּובליקום, נאָר אַ שול, וואו דאָס אנגענעמע און דאָס נוצלעכע זיינען די לערער און די דערציער. אַזוי וויניקסטנס איז דאָס טעאַטער, וואו מיינע פּיעסען ווערן געשפּילט . . . “

עטלעכע יאָר נאָך דער אַמעריקאַנער אויפפירונג, האָט זיגמונט פיינמאַן געבראַכט די פּיעסע אין אייראָפּע און זי דאָרט אויפגעפירט. די פּיעסע האָט באַלד פאַרנומען דעם אויבן אָן אין יידישן רעפּערטואַר אין אייראָפּע און ווערט געשפּילט ביז צום היינטיקן טאָג.

דעם 21 דעצעמבער 1928 איז אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן אַ נייע באַאַרבעטונג פון דער פּיע-

סע: „גאָט, מענטש און טייוול, דראַמע אין 3 אַקטן און פיר בילדער פון יעקב גאָרדין, סצעניִרונג און רעזשי פון מאָריס שוואַרץ, דעקאָראַציעס — מרדכי גאָרעליק, קאָסטיומען — מאָוד און קאָטלער, מוזיק — יוסף בראָדי“.

בערך 1908 איז אין מאָסקווע א״נ „סאַטאַנאַ“ דערשינען „גאָט, מענטש און טייוול“ אין דער רוסישער איבערזעצונג פון שעו, און איז באַלד דערויף אויפגעפירט געוואָרן אויף דער רוסישער בינע מיט גרויס דערפאָלג. דעם 17 סעפט. 1910 איז דיזעלבע איבערזעצונג אויפגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרקער מאַנהעטן לייסעאום.

אין 1912 איז דערשינען אַ צווייטע רוסישע איבערזעצונג פון ט. הייליקמאַן.

אין 1908 איז די פיעסע געשפילט געוואָרן אין העברעאיש אין יפו [„הערשעלע“ — מ. גנעסין, „אוריאל מזיק“ — טייטעלמאַן].

בערך 1910 איז „גאָט, מענטש און טייוול“ א״נ „דער שטן“ אויפגעפירט געוואָרן אין פויליש אין וואַרשעווער קליינעם טעאַטער, איז וואַרם אויפגענומען געוואָרן פון דער קריטיק און פון פובליקום און איז דערנאָך געשפילט געוואָרן דורך פאַרשיידענע אַנדערע פוילישע טרופעס.

אין 1907 איז די פיעסע, אָן וויסן פון מחבר, דערשינען אין וואַרשע און איז ערשט אין 1911 איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער ניו־יאָרקער אויסגאַבע פון ג.׳ס דראַמעס.

אין 1906 איז אין דער קעלנער דייטש־יידישער וואָכנשריפט „די וועלט“ אָפּגעדרוקט געוואָרן די פיעסע אין אַן אַנאָנימער דייטשער איבערזעצונג א״נ „געלט“.

אין 1910 איז אין קיעוו די פיעסע דערשינען אין דער אוקראַאינישער איבערזעצונג פון נ. ליסקאָוועצקי.

אין 1915 איז אין ירושלים דערשינען די פיעסע אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון ר׳ קלונימוס [ק. ל. סילמאַן].

אין ניו־יאָרק איז דערשינען אין ענגליש אַן איבערזעצונג פון פראָלאָג און דער אינהאַלט־אויסצוג פון דער גאַנצער פיעסע.

אין 1900 איז אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס „די שעהנע מרים און די געפייניקטע (עמק הארזים), היסט. אָפּערע.“

דער סוזשעט פון דערדאָזיקער אָפּערעטע, אויף וועלכער ג. האָט אפילו זיין נאָמען ניט געוואָלט געבן, איז גענומען פון פרידבערגס „עמק הארזים“. דאָס איז ג.׳ס איינציקע אָפּערעטע.

קיין איבריק גרויסן דערפאָלג האָט די פיעסע אין אַמעריקע ניט געהאַט. זי איז אויך אויף אַן אומלעגאַלן אופן געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע, וואו זי איז שוין געשפילט געוואָרן מיט מער דערפאָלג און איז דערשינען אין 1908 אין פשעמישל.

דעם 3 נאָוועמבער 1900 איז אין פיפלס־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס פיעסע „דער גאון“ (רעזשי — ב. טאָמאַשעווסקי).

דעם 29 נאָוועמבער 1900 איז אין טאַליאַ טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס „די שבועה אָדער ראָניע די פּאָטשטאַרקע, מוזיקאַלישע דראַמאַ אין 4 אַקטן, סוזשעט ענטנומען, מוזיק צוזאַמענגעשטעלט פון פּראָפעסער, אַראַנזשירט פון הער ברוידי, אויפגעפירט פון ה׳ ד. קעסלער.“

דאָס פּערסאָנאַל פון דער פּרעמיערע איז באַשטאַנען פון:

„ראָניע“ — קעני ליפּצין
„פּייוויש“ — לעאָן בלאַנק
„בן־ציון“ — צילע אַדלער
„אייביש“ — דוד קעסלער
„גנעסע“ — סאַבינאַ וויינבלאַט
„לייבוש“ — סעמועל טאָרנבערג
„פייגע ריווטשע“ — סאָניאַ נאַדאָלסקאַ

„אַקסעל“ — מאָריס מאָשקאָוויטש
„אָפּיציר“ — היימאַן מייזעל
„יאַמשטשיק“ — פ. פרידמאַן.

אַלס אייגנטום־רעכט פון קעני ליפּצין, איז די פיעסע כמעט נאָר דורך איר געשפילט געוואָרן אין אַמעריקע.

„די שבועה“ האָט אַ לענגערע צייט זיך געהאַלטן אין רעפּערטואַר און געבראַכט געוואָרן אין אייראָפּע, וואו זי איז אין 1910 אויפגעפירט געוואָרן [רעזשי י. ל. פרץ] מיט מיני גורעוויטש אין דער הויפּט־ראָל. שפּעטער פלעגט דאָרט די הויפּט־ראָל געשפילט ווערן פון מרים טרילינג און אסתר רחל קאַמינסקי.

נח פּרילוצקי שרייבט וועגן דער פיעסע: „דאָס פּראָבלעם, דער שניט, די סכעמע פון דער האַנדלונג און פון די הויפּט־פיגורן, זאָגאַר די וויכטיקסטע דראַמאַטישע מאָמענטן, זיינען גענומען ביי גערהאַרדט הויפּטמאַן, אָבער גאָרדין האָט די געליגענע ליניעס, די בלויזע ביינער פון דער זאַך, אָנגעטאָן אין זיין אייגן לייב און הויט. דאָס בלוט, דער גייסט פון דער שטיק זיינען זיינע. די טיפּן זיינען נאָך אַלעמען פון אייגענער פּאָרטרעטן־גאַלערע, דער שטעל פון דער האַנדלונג — לויט זיין אייגענעם שטייגער“.

אין 1912 איז די פיעסע א״נ „די שבועה, דראַמע אין 4 אַקטן פון יעקב גאָרדין“ דערשינען אין וואַרשע.

„די שבועה“ איז אויך געשפילט געוואָרן אויף דער רוסישער בינע און איז אין 1912 דערשינען אין אָדעס אין דער רוסישער איבערזעצונג פון ד. ראָזענבליט.

סוף סעזאָן 1899-1900 איז אין טאַליאַ־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס פיעסע „סאַפאָ“ [געשריבן פאַר בערטאַ קאַליש] מיט פאָלגענדיקן פּערסאָנאַל:

„מאַטיאַס פינגערהוט“ — זיגמונט מאָגולעסקאָ
„טשערנע“ — בינא אַבראַמאָוויטש
„טשערנע“ — סאָניאַ נאַדאָלסקאַ
„סאָפיא“ — בערטאַ קאַליש
„ליזא“ — איידא בריה — גראָפער
„באָרים סטאַווראָפּאָלסקי“ — עליאַס ראַטשטיין
„מלך סטעמפּעל“ — מאָריס מאָשקאָוויטש
„פּראַדי“ — מערי ווילענסקי
„מאַניעטשקע“ — דיינע פיינמאַן
„אַפּאָלאָן זאָנענשיין“ — דוד קעסלער
„סאַמועל ציינער“ — הערמאַן מייזעל
„זשעניטשקע“ — פּרענציס אַדלער.

ב. גאָרין שרייבט וועגן דער אויפירונג: „מען האָט דאַמאָלט אין טאַליאַ־טעאַטער אויפגעפירט אָנהייב סעזאָן „גאָט, מענטש און טייוול“ און סוף סעזאָן „די יידישע סאַפאָ“. ביידע שטיקער זיינען דורכגעפאַלען, נאָר אויב מען איז געוואוינט, אַז די ערןפיעסן, וואָס מען האָט געשפילט אָנהייב און סוף סעזאָן זאָלן קיין דערפאָלג ניט האָבן, בפרט ווען די ברויט־פיעסן אין מיטען סעזאָן זיינען איצט געפאַלן ווי פלאַכעס, איז מען אָבער ניט געווען געוואוינט צו צאָלן פאַר דורכגעפאַלענע פיעסן, ווי דאַמאָלט האָט אויסגעוויזן, אַזאַ גרויסן פּרייז. און די דירעקטאָרן צווישן זיך האָבן גענומען ריידן, אַז כבוד איז טאַקע אַ גוטע זאַך, אָבער מען קאָן זיך ניט לאָזן בדלות ווערן צוליב דעם. נאָר צי מען איז בדלות געוואָרן פון די פּאָר בעסערע פיעסן צי ניט, איין זאַך האָבן זיי קלאָר דערוויזן, אַז אין זיי ליגט די קראַפט צו מאַכן די רעפּוטאַציע פון אַ שוישפּילער. „די יידישע סאַפאָ“ האָט גלייך צוגעצויגן צו דער יונגער קאַליש די אויפמערקזאַמקייט פון דעם בעסערן

פובליקום און דאָ האָט זי צום ערשטן מאָל געהאַט די מעגלעכקייט צו ווייזן זיך אין איר פולן גלאַנץ און צו ציינגן, אַז זי באַזיצט אַן אויסעראָרדנטלעכן גרויסן טאַלאַנט. . . . דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין טעאַטער האָט זיך פאָרמירט אַ גרופּע „גאָרדיניסטן“. זיי האָבן פיל געהאָלפן, אַז די גאָרדינישע דראַמע זאָל זיך טיפער איינגוואָרצלען אויף דער בינע“.

אב. קאַהאַן אין זיין סעריע קריטישע אַרטיקלען וועגן ג., שרייבט: „מיר באַשולדיקן נאַטירלעך גאָרדינען ניט, אַז ער האָט טאַקע געוואָלט אָפּלאַכן פון דער דערמאָנטער אידעע [פרייע ליבע], איר איבערקרימען, אַרויסשטעלן אין אָפּשטויסנדיקע קאָלירן. זיין האַרץ איז געווען גוט; דיזע סאָרט אַרבעט — פאַרקערפּערן אַן אידעע אין בילדער — איז אָבער ניט נאָך זיינע קרעפטן נאָך. ער זעט ניט אין געדאַנקען קיין לעבעדיקע וועלט; ער הערט ניט די טענער פון ווירקלעכקייט, ער פאַבריצירט זיינע פּיעסען מעכאַניש, ער קלערט אַלץ צו, ער קלעבט זיי צונויף, אַ פלאַנטער פון אומנאַטירלעכקייט, און פון דער אידעע, וועלכע ער נעמט אין האַנט, ווערט אַ באַרג אַש“.

„סאַפאָ“, אַלס אייגנטום-רעכט פון בערטאַ קאַליש, איז כמעט נאָר דורך איר געשפּילט געוואָרן יאָרן-לאַנג אין אַמעריקע.

אין 1907 האָט יוליוס אַדלער געבראַכט די פּיעסע אין פּוילן און זי דאָרט אויפגעפירט [„סאָפיע“ — אסתר רחל קאַמינסקי, „מאַניטשקע“ — עמיליע אַדלער, אַפּאָלאָן זאַנענשיין“ — יוליוס אַדלער, „באָרים סטאַוורופּאָלסקי“ — אברהם יצחק קאַמינסקי]. די פּיעסע איז אַ לאַנגע צייט פאַרבליבן אין רעפּערטואַר.

אין 1907 איז „סאַפאָ“ א״נ „סאפפאה — לעבענס בילד אין 4 אַקטן פון יעקב גאָרדין“ דערשינען אין ניו-יאָרק, אין 1908 איבערגעדרוקט געוואָרן אין וואַרשע און אין 1911 א״נ „סאַפאָ — אַ דראַמע אין פיר אַקטען“ [מיט אַ פאָרוואָרט פון ה. זאָלאָטאַראָוו] אַריין אין ג.׳ס געזאַמעלטע דראַמען.

„סאַפאָ“ איז אויך מיט דערפאָלג אויפגעפירט געוואָרן אויף דער רוסישער בינע, באַזונדערס דורך דער קאָרש-טרופּע א״נ „דאָס אָדעסער לעבן“. אין 1911 איז די פּיעסע א״נ „שרה פינגערהוט“ (סאַפאָ) דערשינען אין דער רוסישער איבערזעצונג פון א. וואָלקאָנסקי. אין 1912 איז „סאַפאָ“ א״נ „די יידישע סאַפאָ“ דערשינען אין אָדעס אין דער רוסישער איבערזעצונג פון ד. ראָזענבליט.

אין אָקטאָבער 1901 איז אין טאַליאַ-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס „דער ממזר“ (אַ באַאַרבעטונג פון וויקטאָר הוגאָס „לוקרעציאַ באָרדזשיאַ“) און אין נאָוועמבער 1901 די פּיעסע „אַמעריקאַ“ א״פ „פּראָפעסאָר יאַקאָבי אוים לאָנדאָן“ [ג.׳ס פּסעוודאָנים אויף סענזאַציאָנעלע פּיעסען].

וועגן דער לעצטער פּיעסע שרייבט ב. גאָרין: „גאָרדין האָט אָנגעשריבן אַ סענסאַציאָנעלע נאַרישע שטיק „אַמעריקאַ“ און מען האָט עס אויפגעפירט אין דער האָפנונג, אַז איצט וועט קומען דער נאַרישער עולם, נאָר דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן“.

ביידע פּיעסען האָבן נאָר אַ קורצע צייט זיך געהאַלטן אויף דער בינע, זיינען קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן און קיין מאַנוסקריפּט איז פון זיי ניט פאַרבליבן.

אין 1901 איז דורך מר. און מרס. טאָמאַשעווסקי אויך אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס איינאַקטער „ער און זי“ [געדרוקט אין זיינע „איינאַקטערס“].

דער איינאַקטער איז אין סעפּטעמבער 1920 אויפגעפירט געוואָרן אין ארץ-ישראל אויף העברעאיש.

אין נאָוועמבער 1901 איז אין טאַליאַ-טעאַטער געפייערט געוואָרן דער 10 יאָריקער יובילײ פון ג.׳ס בינע-טעטיגקייט. צו דער גע לעגנהייט איז צווישן אַנדערע זאַכן אויך אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס אַן איינאַקטער „די טיפן-גאַלערע“, וואָס באַשטייט פון אייניקע העלדן פון זיינע פּיעסען.

דער איינאַקטער איז געשפּילט געוואָרן מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„צערעמאָניע-מייסטער“ — לעאָן בלאַנק
„יאָנטעל שנאָרער“ — בערנאַרד בערנשטיין
„סאָפיע פינגערהוט“ — בערטאַ קאַליש
„שיינדעלע“ — מערי ווילענסקי
„אַקסעל“ — מאָרים מאָשקאָוויטש
„ראָניע“ — קעני ליפּצין
„בצלאל ראַפּאָפּאָרט“ — דייוויד קעסלער.

לכבוד דער פייערונג איז אויך דערשינען אַ ספּעציעלע בראָשור.

„די טיפן-גאַלערע“ איז נאָכדעם אייניקע מאָל געשפּילט געוואָרן אויף ספּעציעלע פייערלעכע פאָרשטעלונגען און איז פאַרעפנטלעכט אין באַנד פון ג.׳ס „איינאַקטערס“.

אין יאַנואַר 1902 איז אויפגעפירט געוואָרן „די קרייצער סאָנאַטאָ“ מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„ראַפאַאיל פרידלענדער“ — דוד קעסלער
„חוה“ — פעני גרינבערג
„עטי“ — בערטאַ קאַליש
„צילע“ — שפרה צייטלין
„סאַמואיל“ — דזש. קאָהן
„אפרים פידלער“ — ס. טאָרנבערג
„ביילע“ — סאָניאַ נאַדאָלסקאַ
„גרעגואַר“ — מאָרים מאָשקאָוויטש
„נאַטאַשאַ“ — מערי ווילענסקי
„אַלבערט“ — בערנשטיין.

די פּיעסע, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, איז ספּעציעל געשריבן געוואָרן פאַר בערטאַ קאַליש, הגם — ווי זי דערציילט אין אירע זכרונות — אַז ווען זי האָט אַמאָל פאָרגעלייגט גאָרדינען צו שרייבן ספּעציעל פאַר איר אַ פּיעסע, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט מיט דער דערקלערונג, אַז ער שרייבט איבערהויפּט ניט ס פּ ע צ י ע ל פאַר אַקטיאָרן, נאָר ער שרייבט פאַר דער בינע.

וועגן דעם דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע זכרונות: „מיר האָבן זיך גרימירט און גערעדט מיט גאָרדינען, ער האָט געמאַכט עפּעס אַ באַמערקונג וועגן קאַלישעס שיינע האָר און די קאַליש רופט זיך אָן צו אים: — מיסטער גאָרדין, שרייבט מיר אָן עפּעס אַ ראָלע צו מיינע האָר, איר האָט געהערט פון אַ שרייבער טאָלסטאָי? ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך, איז דאָרט דאָ אַ העלדין, וואָס האָט שיינע לאַנגע האָר ווי מיינע, שרייבט מיר אָן אַ ראָלע צו מיינע האָר . . .

„גאָרדין האָט זיך אַ גלעט געטאָן איבער דער שוואַרצער באָרד זיינער און האָט מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל געענטפערט: — יעס, מאַדאַם, איך האָב „געהערט“ פון אַ שרייבער טאָלסטאָי.

„און גאָרדין האָט געשריבן פאַר איר „די קרייצער סאָנאַטאָ“.“

דוד פינסקי שרייבט וועגן דער פּיעסע: „גאָרדין הייבט זי אָן גלייך מיט די שטאַרקסטע טענער. דער ערשטער אַקט אַנטפּלעקט פאַר אונז אויף אַ מאָל די כאַראַקטערן. ער ווירקט ווי דער אָפּשלוס פון דער דראַמע. . . . אום צו באַווייזן נייע אייגנטימלעכקייטן אין אים [אין עטים כאַראַקטער], צו מאַכן אים וואַקסן, האָט גאָרדין געדאַרפט פאָרפירן פאַר אונז נייע באַגעבנהייטן, נייע האַנד-

לונגען, וועלכע זאָלן שטאַרקער זיין פאַר דער האַנדלונג אין דעם ערשטן אַקט. אָבער וואָס מיר זעען ווייטער, איז פיל שוואַכער. . . . דער וועג פון דעם אָנהויב ביז דעם סוף איז ניט געפירט געוואָרן דורך מאָטיוון און האַנדלונגען, וועלכע זיינען שטאַרקער און שטאַרקער מיט יעדן נייעם מאָמענט. און ווידער איז דער עיקר ביי אים גלאַט זיך אַ מעשה און די עפּיזאָדן-פיגורן וואַקסן אַריבער אין באַדייטונג די הויפּט-פיגור".

„קרייצער סאָנאַטאַ", אַלס אייגנטום-רעכט פון בערטאַ קאַליש, איז אין אַמעריקע געשפּילט געוואָרן כמעט נאָר דורך איר און איז געבליבן אַלס איינע פון די וויכטיקערע פּיעסען אין יידישן רעפּערטואַר.

אין 1907 האָט יוליוס אַדלער געבראַכט די פּיעסע אין פּוילן, זי דאָרט אויפגעפירט [„עטי" — אסתר רחל קאַמינסקי, „פרידלענדער" — א. י. קאַמינסקי, „גרעגואַר" — יוליוס אַדלער, „צילע" — עמיליע אַדלער] און זייט דאַמאָלט איז זי פאַרבליבן אין רעפּערטואַר פון דער יידישער בינע אין אייראָפּע.

דעם 10 אָקטאָבער 1904 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אין ענגליש אין שיקאַגאָ מיט בלאַנש וואָלש אין דער ראָל „עטי" און אין 1907 איז זי אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון לענגדאָן מיטשל דערשינען אין ניו-יאָרק.

אין אַ בריוו צו זיין פריינט ראָזענבלום אין אָדעס שרייבט ג.: „די לעצטע [„קרייצער סאָנאַטאָ"] איז איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש און געשפּילט געוואָרן כמעט אין גאַנץ אַמעריקע. מ'האָט מיר פאַר איר געשימפט און געלייגט אין דער ערד אַריין פון איין זייט, גערימט און געלויבט ביזן הימל פון דער אַנדערער זייט".

אין 1924 איז די פּיעסע אויף ענגליש אויך געשפּילט געוואָרן פון בערטאַ קאַליש. אין אַ דעמאָלדיקער רעצענזיע אין „אַמעריקאַן מערקורי" שרייבט דזש. ב. נייטהען [לויט אב. קאַהאַן]: „די פּיעסע איז אַ צרהדיקע נאַרישע מעלאָדראַמע. זי אַנטהאַלט פּערזאָנען, וועלכע מאַכן דעם איינדרוק פון אַ ביליקע קאַריקאַטור-גרופּע און די סיטואַציעס זיינען אַזאַ מאַשין-אַרבעט, אַז פון דער גאַנצער פּיעסע סטאַרטשען אַרויס די נעט. אַ לעבערלעכערע אונטערנעמונג קאָן מען זיך ניט פאָרשטעלן".

אין 1907 איז „די קרייצער סאָנאַטאָ" דערשינען אין ניו-יאָרק, אין 1908 איבערגעדרוקט געוואָרן אין וואַרשע און אין 1911 אַריין אין ג.'ס געזאַמעלטע דראַמען.

אין 1912 איז די פּיעסע איבערגעזעצט געוואָרן אין רוסיש א"נ „זאַ אָקעאַנאָם" און באַלד דערויף מיט גרויסן דערפאָלג אויפגעפירט געוואָרן אויף דער רוסישער בינע.

אין די ערשטע טעג פון פעברואַר 1902 [בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע זכרונות גיט אָן עפ"ט: בערך 1899] איז אין פּיפּלס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס דראַמע „עץ הדעת", וועלכע איז — לויט דוד פּינסקי — געבויט אויף פרידריך העבעלס „מאַריאַ מאַגדאַלענאַ".

„האָט ער [יעקב פּ. אַדלער] — דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי — אויפגעפירט גאָרדינס דראַמע „עץ הדעת" און געקראָגן פיל לויב פאַר זיין שפּילן „מאָזי סטאָליאַר", אָבער קיין גרויסן פינאַנציעלן סוקסעס האָט די פּיעסע ניט געמאַכט".

די פּיעסע איז באַלד אַרויס פון רעפּערטואַר און איז אויך קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

אין 1912 איז זי דורך בועז יונגוויץ אויפגעפירט געוואָרן אין וואַרשע.

נח פּרילוצקי שרייבט אויפן גרונד פון דערדאָזיקער אויפפירונג: „עץ הדעת" דאָס איז אַ מין יידישע „די פרות פון בילדונג". די אידעע איז נ י ט קיין נייע, די אייגענע ווי אין טאָלסטאָיס באַקאַנטער קאָמעדיע. . . . פאַר יעקב גאָרדינס אינערלעכער ביאָגראַפיע גיט אָבער די דראַמע אַ נייעם שטריך. . . די פּיעסע איז טענדענציעז, אייגזייטיק — זעט אָבער שיין אויס אויף דער בינע".

ניט לאַנג האָט זיך אויך געהאַלטן אויף דער בינע ג.'ס פּיעסע „אידאַ אָדער דאָס קינד אויפן טייוולס-באַרג", וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן דעם 27 פעברואַר 1902. די פּיעסע איז אויך קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

„דאַן — דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי — פירט אַדלער אויף [אין פּיפּלס-טעאַטער] טאָלסטאָיס ווערק „די מאַכט פון פינסטערניש", איבערזעצט פון גאָרדין, און מיר אַלע ווערן באַשאָטן מיט בלומען פון ווערטער און בלומען פון גאָרטן. די אויפפירונג פון „וולאַסט טמי" איז געווען אַ מאָראַלישער טריומף פאַר אונז שוישפּילער. מען האָט איבעראַל געשריבן און גערעדט, אַז מיר זיינען אמתע קינסטלער".

[לויט ב. גאָרין איז די פּיעסע א"נ „די פינסטערניש אין רוסלאַנד" („פינסטערע מאַכט") אויפגעפירט געוואָרן ערשט אין 1905].

דעם 18 דעצעמבער 1902 איז אין טאַליאַ טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס באַאַרבעטונג „אייגענעם בלוט", אויף וועלכער ג. האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן זיין נאָמען. דאָס האָט געבראַכט צו אַ סכסוך מיטן טעאַטער און ג. איז סוף כל סוף געווען געצוואונגען צו געבן זיין נאָמען.

די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן נאָר אַ קורצע צייט, איז קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן און אויך קיין כתב-יד איז פון איר ניט פאַרבליבן. דער אינהאַלט פון דער פּיעסע איז אָנגעגעבן אין דער רעצענזיע אין „דער טהעאַטער זשורנאַל און פאַמיליען פריינד", ניו יאָרק, 9, 1903.

לויט ב. גאָרין איז אין זעלבן יאָר (1902) אויך אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס אַ באַאַרבעטונג „די שטיפמאַמע" [לויט מיכל גאָלדבערג הייסט די פּיעסע ביי גרילפּאַרצער „פּאַראַדינאַ".]

אין 1902 איז דורך בערטאַ קאַליש אויפגעפירט געוואָרן אויף איר בענעפיס ג.'ס דראַמאַטישע סצענע „די וואַנזיניקע אַקטריסע" [פאַרעפנטלעכט אין ג.'ס „איינאַקטערס"].

ג. האָט זיך ניט באַגנוגנט בלויז מיט שרייבן פאַרן יידישן טעאַטער. „צווישן די מענטשן, וואָס האָבן זיך געוואָלט אַריינכאַפּן אין די אמתע טעאַטער-ביזנעס — דערציילט בערטאַ קאַליש אין אירע זכרונות — איז אויך געווען גאָרדין און ער האָט אָנגעהויבן זוכן פאַרבינדונגען צו קאָנען ווערן אַ בעל-הבית. שפּעטער [בערטאַ קאַלישס מאַן] האָט גאָרדינען געגעבן די געלעגנהייט און ער איז געוואָרן אַ שותף [צום טאַליאַ-טעאַטער]. ער האָט געדאַרפט צושטעלן 2 נייע פּיעסען [אַ יאָר] און אַ חוץ דעם מאַכן אַ צוויי-דריי איבערזעצונגען און ער האָט זיך אונטערגענומען צו טאָן זיין אַרבעט בשלמות".

אין 1903 איז אויפגעפירט געוואָרן אַ סצענע „נאָך דער שחיטה", וועלכע ג. האָט ספּעציעל אָנגעשריבן לכבוד מאָגולעסקאָס בענעפיס.

דעם 12 אָקטאָבער 1903 איז אין טאַליאַ-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס פּיעסע „די יתומה" אָדער „חאַסיע פון קאַראַטשעקראַק" מיט פאָלגענדיקן פּערסאָנאַל:

„יואל טראַכטענבערג" — מאָרים מאָשקאָוויטש
„פריידע" — מערי עפּשטיין
„וולאַדימיר" — דוד קעסלער
„קאַראָלינאַ" — שפרה צייטלין

„מאַטיע שטרייכל“ — יעקב קאַצמאַן
„כאַסיע“ — בערטאַ קאַליש
„מאַרק“ — דזש. קאָהן.

די אויפפירונג פון „די יתומה“ האָט אַרויסגערופן אַ פּראָטעסט קעגן ג. מצד דער קאָנסערוואַטיווער צייטונג „טאַגעבלאַט“, וועלכע האָט אים בעשולדיקט אין שענדן די יידישע טהרת המשפחה. דערפאַר האָט ג. עפנטלעך פון דער בינע געזידלט די רעדאַקטאָרן און לואי מילער האָט אָנגעהויבן אין „פאָרווערטס“ אַ שטאַרקע אַטאַקע קעגן „טאַגעבלאַט“. דעם 22 אָקטאָבער 1903 איז אפילו פאָרגעקומען אַ מאַסן-פּראָטעסט-פאַרזאַמלונג מיטן אַנטייל פון מילער, דר. קאַספּע און דר. זאָלאָטאַראָוו קעגן „טאַגעבלאַט“ און דעם 30 אָקטאָבער 1903 האָבן צווישן די אַנטראַקטן פון דער פאָרשטעלונג אין טעאַטער גערעדט קעגן „טאַגעבלאַט“ יעקב גאָרדין און יאָזעף באַראָנדעס. אויך די יידישע סאָציאַליסטן האָבן אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס זיך צו באַטייליקן אין קאַמף און פון פאַרשיידענע שטעט זיינען אָנגעקומען פּראָטעסטן, וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס“.

וועגן דער פּיעסע שרייבט ז. קאָרנבליט אין זיין בוך „די דראַמאַטישע קונסט“: „גאָרדינס „חאַשע די יתומה“ איז אַן ערנסטע דראַמע און אַ גאַנץ גוטע דראַמע, כאָטש זי האָט אַ סך חסרונות. אָבער איר גרעסטער חסרון, אַ פּשוטע גרילצנדיקע שטיק שונד, איז חאַשעס חכמה און פילאָזאָפישע פּאָעטישקייט“.

„די יתומה“ איז אַלס אייגנטום-רעכט פון קעני ליפּצין דערנאָך געשפּילט געוואָרן כמעט נאָר דורך איר [שפּעטער איז דאָס אייגנטום-רעכט איבערגעגאַנגען צו דזשעני גאָלדשטיין] און איז ביז היינט צו טאָג פאַרבליבן אין רעפּערטואַר.

שפּעטער איז די פּיעסע געבראַכט געוואָרן אין אייראָפּע, וואו זי איז א״נ „חאַשע די יתומה“ באַלד אַריינגענומען געוואָרן אין רעפּערטואַר.

וועגן אַן אויפירונג פון דער פּיעסע ביי דער פּישזאָן-טרופּע אין וואַרשע שרייבט דר. מוקדוני אין זיינע זכרונות: „. . . עס איז שוין געווען אַ שטיקל ליניע אין דער אויפפירונג, אַ פיינערע באַנעמונג פון די ראָלן, אַ סך אַ בעסערע אַקטיאָרישע טעכניק און אַביסל זין פאַר אויסשטאַטונג און קליידונג. . . . עפּעס אַזוינס, פון וואָס עס קאָן אויסוואַקסן אַ טעאַטער. אמת, דאָס שטיק איז אַ געשטשאָבעטע, איר זעט די גראָבע שטעך, איר זעט די נעט, אָבער די שוישפּילער האָבן דאָך געמאָלט כאַראַקטערן, עס איז דאָך פאָרט געווען צוזאַמענשפּיל . . . “

אין אָקטאָבער 1920 איז „כאַסיע די יתומה“ אין אַ באַאַרבעטער פאָרם אויפגעפירט געוואָרן א״ר פון א. לויטער (דעק. מ. עפּשטיין) דורכן יידישן אוקראַאינישן מלוכה-טעאַטער אין כאַרקאָוו א״נ „קוימענקערער“. („כאַסיע“ — ווין, „קוימענקערער“ — קאַנטאָר“).

די פּיעסע איז אויך געשפּילט געוואָרן אין אוקראַאיניש, אין העברעאיש (דעם 19 יולי 1921 אין דער איבערזעצונג פון מסלול אין ירושלים אין טעאַטער ירושלים) און אין מלחמה-צייט (בעתן פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער) — דורך יידישע אַקטיאָרן אויף רוסיש.

אין 1903 איז די פּיעסע דערשינען אין ניו-יאָרק און איז אין 1907 איבערגעדרוקט געוואָרן אין וואַרשע.

אין 1911 איז אין ווילנע דערשינען „כאַסיע“ אין דער רוסישער איבערזעצונג פון י. י. יולין.

אין 1903 איז — לויט ב. גאָרין — אויך אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס איבערזעצונג פון גאָרקים „מיעשטשאַנע“ [„קליינבירגער“] און ג.׳ס אייגענע פּיעסע „די וואַרהייט“ מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„אברהם גערשונ“ — זיגמונד פיינמאַן.
„שיינע טויבע“ — עני מאַננע
„מייק“ — דזש. קאָהן
„ראָזאַ“ — בערטאַ קאַליש
„הער סטענטאָן“ — מאָרים מאָשקאָוויטש
„פרוי סטענטאָן“ — נעטי טאָביאַס
„וואַיאָלאַ“ — שפרה צייטלין
„ווילי“ — דוד קעסלער
„קלמן זיסקינד“ — יעקב קאַצמאַן
„גראָסי“ — אײדא גראָפּער-בריה
„בעני“ — לילי פיינמאַן
„קריסטינא“ — פּאַולינא האָפּמאַן
„רעפערי נעלסאָן“ — לואי היימאַן.

„די וואַרהייט“ האָט זיך אויף דער אַמעריקאַנער יידישער בינע לאַנג ניט געהאַלטן. אויף אַן אומלעגאַלן אופן איז די פּיעסע געבראַכט געוואָרן אין אייראָפּע, איז אין 1908 דערשינען אין פּשעמישל, און אין 1909 אויפגעפירט געוואָרן אין וואַרשע א״נ „דער אמת“.

נח פּרילוצקי, וועלכער האַלט די פּיעסע פאַר „גאָרדינס ודוי“, אין וועלכער ער זאָגט זיך אָפּ פון זיינע ראַציאָנאַליסטישע אידעען אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין גרינדונג פון דער „ביבלישער ברודערשאַפט“, שרייבט געלעגנהייטלעך דער דאָזיקער אויפירונג: „אַלס דראַמאַטיש ווערק איז דער „אמת“ — שוואַך. דער רייכער פּסיכאָלאָגישער מאַטעריאַל — נאַכלעסיק באַאַרבעט. . . . די האַנדלונג איז ניט אַרומגעשליפן. . . . דאָס אויסמישעכץ פון מעלאָדראַמע און פאַרס, וואָס האָט שוין קיין שיכות ניט צום פּראָבלעם פון דער פּיעסע — איז, קענטיק, צוגעשטיקעוועט געוואָרן ספּעציעל פאַרן אַמעריקאַנער פּובליקום. . . . אַ שלעכטן איינדרוק מאַכט די שפּראַך פון „אמת“. . . . שילדערט ער פּראָסטע יידן — ריידן זיי ביי אים מיט אַן אמת פאָלקסטימלעכן, כאַראַקטעריסטישן, געזונטן, קיילעכדיקן יידיש. ס׳איז נאָר צו שטוינען ווי קומט צום שרייבער — וואָס האָט ביז אַמעריקע מאַמע-לשון ניט געקענט, — אַזאַ רייכטום פון געשליפענע, יאַדערדיקע, פּראָסטע יידישע אויסדרוקן און ווערטלעך. אָבער ווי ס׳קומט נאָר צו מענטשן, וואָס ריידן ניט קיין יידיש — קריסטן אָדער אינטעליגענטישע יידן — ווייסט ער שוין ניט וואָס מיט זיי צו טאָן. ער מוז אַליין באַשאַפן פאַר זיי אַ שפּראַך — איז זי טויט, געבראָכן, ס׳פעלט איר די זאַפטיקייט פון אַן אָרגאַנישן, לעבעדיקן דיאַלעקט. משונה פאַרדייטשט, מיט אויסלענדישע ווערטער איבערפולט — אַז ס׳איז אַ וואונדער ווי די אַקטיאָרן צעברעכן זיך ניט די ציין . . . “

אין 1904 איז — לויט ב. גאָרין — אויפגעפירט געוואָרן [דורך קעסלערן] ג.׳ס מוזיקאַלישע דראַמע „די פלשתים“, וועלכע האָט ניט געהאַט קיין אריכת-ימים און איז אויך קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, און אויך ג.׳ס איבערזעצונגען „ראָזאַ בערנדט“ (א״נ „די פאַרלוירענע“) און „זונען-אויפגאַנג“ —ביידע פון ג. הויפּטמאַן.

אין זעלבן יאָר איז אין מאַנהעטן לייסעאום אויפגעפירט געוואָרן דורך מיטגלידער פון עדיוקיישאָנאַל ליג ג.׳ס איינאַקטער „דער גייסט פון דער געטאָ“ [געדרוקט אין זיינע „איינאַקטערס“].

דעם 2 סעפּטעמבער 1904 איז אין טאַליאַ-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס פּיעסע „טהרת המשפחה“.

אב. קאַהאַן שרייבט אין זיינע זכרונות: „. . . די צווייטער [טהרת המשפחה] האָט די „טאַגעבלאַט“ אָפּט געברויכט אין אירע אַטאַקעס אויף אים [גאָרדין]. זי האָט אים באַשולדיקט אין פרעדיקן אויסגעלאַסנקייט און אונטערגראָבן דעם פונדאַמענט פון

טהרת המשפחה. אין „פאָרווערטס" ווידער, איז אין דער צייט פון דעם פאַראיאָריקן קאַמף [צוליב „כאַסיע די יתומה"] פיל מאָל אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דער דאָזיקער „פרומער" געשריי איז דורכגעדרונגען מיט היפּאָקריטסטווע. אַזעלכע ווערטער ווי „טהרת המשפחה-צבועקעס" האָט מען דאַן ביי אונז באַגעגנט גאַנץ אָפט. אַלזאָ, ווען עס איז אַנאָנסירט געוואָרן, אַז גאָרדין האָט אויפגעשריבן אַ פּיעסע מיטן נאָמען „טהרת המשפחה", האָט מען גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער רייסט אין איר אַרונטער די צבועצסטוואָ פון די פאַלשע „חטאים-ראַמער". . . . „טהרת המשפחה" איז איינע פון די שוואַכסטע זאַכן, וואָס ער האָט ווען עס איז אויפגעשריבן (ביז יענער צייט, ווייניקסטנס). וועגן דעם האָבן כמעט אַלע געהאַט איין מיינונג. אַחוץ די געוויינלעכע פעלערן פון גאָרדינס פּיעסען, האָט דיזע פּיעסע געהאַט אומגעהויערע פעלערן איינפאַך אַלס טעאַטער-שטיק. זי איז אייגנטלעך ניט געווען קיין טעאַטער-שטיק, נאָר אַ רייע דרשות. אַנשטאָט אַרויסצושטעלן די „טהרת-המשפחה" — היפּאָקריטסטווא אין בילדער און דראַמאַטישע האַנדלונגען, האָט ער זיין געדאַנק אויסגעדריקט מיט רעדעס, וועלכע ער האָט אַריינגעלייגט אין די מיילער פון די שוישפּילער. סאָציאַליסטן האָבן די רעדעס אַפּלאָדירט אַלס רעדעס, ניט אַלס רייד פון פּערזאָנען אין אַ דראַמע. אַלס אַ פּיעסע האָט דאָס שטיק געלאַנגווייליקט און איז דורכגעפאַלן. . . . מיין מילדע, העפלעכע און פריינטלעך אויסגעדריקטע קריטיק [„פאָרווערטס" פון 4 סעפּטעמבער 1904] האָט אין אונזער וועלטעלע געפירט צו אַ גאַנצער קייט פון שטורמדיקע פּאַסירונגען און איבערקערענישן".

לואי מילער ענטפערט אויף קאַהאַן'ס קריטיק מיט אַן אַרטיקל „קריטיק אויף קריטיק" אין ג.'ס „די דראַמאַטישע וועלט" (פון 15 סעפּטעמבער 1904) — „אַ מאָנאַטליכע שריפט פון ליטעראַטור, קריטיק און דראַמאַטישע נייעס, ספּעציעל געווידמעט דעם יודישען טהעאַטער — רעדאַקטירט פון יעקב גאָרדין". [פון חודש-בלאַט, צו 4 זייטן גרויסן צייטונגס-פאָרמאַט, צום פּרייז פון 1 סענט, זיינען דערשינען 4 נומערן (15 יולי — 16 אָקטאָבער 1904)]

אין דעם זשורנאַל פירט ג. פּראָפּאַגאַנדא פאַר זיינע פּיעסען.

אין צווייטן נומער פאַרעפנטלעכט ער 4 אַרטיקלען קעגן אב. קאַהאַן און אַטאַקירט אויך מ. באַראַנאָוו פאַר זיינער אַ קריטיק. ענלעך באַהאַנדלט ער — לויט אב. קאַהאַן — פּינסקי'ן פאַר אַ קריטיק.

אויך „טהרת המשפחה" האָט לאַנג זיך ניט געהאַלטן אויף דער בינע און איז קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

אין נאָוועמבער 1904 איז אין גרענד-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס פּיעסע „די אמתע קראַפט" מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„דאָקטאָר גאָלדענווייזער" — דוד קעסלער — יעקב פּ. אַדלער
„אָליע" — פרענצים אַדלער
„מאַרק" — י. גרינבערג
„דבורה" — פעני גרינבערג
„שמשון דוד זרחי" — פּיטער גראַף
„שרה הינדע" — עני מאַנע
„פאַניע" — בערטאַ קאַליש — סערא אַדלער
„פּייוול פּומפּיאָן" — דוד קעסלער — יעקב פּ. אַדלער
„אברהם חיוטין" — גוסטאַוו שאַכט.

דידאָזיקע פּיעסע האָט אַרויסגערוקט אין פראַנט די שוישפּילערין סאָניאַ אַדלער.

די פּיעסע איז פאַרבליבן אין רעפּערטואַר פון דער יידישער בינע אין אַמעריקע און איז איינציקע יאָר שפּעטער געבראַכט און אויפגעפירט געוואָרן דורך יוליוס אַדלער אין אייראָפּע [„דאָקטאָר גאָלדענווייזער" — יוליוס אַדלער, „פאַניע" — עמיליע אַדלער].

אין 1911 איז „די אמתע קראַפט" דערשינען אין אַמעריקע און אין 1912 אין אָדעס אין דער רוסישער איבערזעצונג פון ד. ראָזענבליט.

אין 1905 איז אין טאַליאַ-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס פּיעסע „דער אונבעקאַנטער" מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„שמואל אשכנזי" — לעאָן בלאַנק
„בערטאַ" — קעני ליפּצין
„טאָליע" — דזש. קאָהן
„אידאַ" — מערי ווילענסקי
„מיליע" — דזשעני גאָלדשטיין
„סאָפיע גרינשטיין" — מערי עפּשטיין
„גינא" — שפרה צייטלין
„בערנאַרד זילבערמאַן" — מאָרים מאָשקאָוויטש
„לואיס קאַרשונסקי" — ס. טאָביאַס
„שליאָמע הויז" — זיגמונד מאָגולעסקאָ
„דער אומבעקאַנטער" — מאָרים מאָשקאָוויטש
„די פּרווי" — מערי עפּשטיין.

דוד פּינסקי שרייבט וועגן דער פּיעסע: „דער אונבעקאַנטער" מיט זיין נאָמען און שלמה הויס פילאָזאָפיע איז פון פּשיבישעווסקיס „גאָלדענער פלוס"... [לעאָן גאָטליב גיט אָן, אַז גאָרדין האָט דערביי זיך באַנוצט מיט זיין (גאָטליב'ס) יידישער איבערזעצונג פון „גאָלדענער פלוס".]. . . . ווען ער איז געווען אַליין טעאַטער-דירעקטאָר אין 1904 [1905] האָט ער אויפגעשריבן זיין „אונבעקאַנטען" — אַ פּיעסע אָן אַ צענטראַלער פיגור און אָן אַ צענטראַלן אינהאַלט, איין עפּיזאָדן-פּיעסע. ער האָט דאָס שטיק געשריבן ניט פאַר קיין באַשטימטן סטאַר, נאָר פאַר זיין אייגענע[ר] טרופּע און ער האָט געזען צופרידן שטעלן אַלע סטאַרס פון זיין טרופּע. . . . ער קאָן דאָס טעמאַ ניט אַנטוויקלען נאָך דעם לעבן, וואָס עס טראָגט אין זיך. שטענדיק שטייען די אַקטיאָרן צווישן אים און דער טעמע. און מיר זעען ווי גאָרדין שטריינגט אָן זיין איינבילדונגסקראַפט ניט אויף צו אַנטוויקלען זיין טעמע קונסטמעסיק, נאָר אויף צו אַנטוויקלען אַ געוויסע ראָלע בינענמעסיק. דערפאַר פאַרפעלשט ער אָפט די כאַראַקטערן, ווייל ער גייט ניט אין די טיפעניש פון דער נשמה פון זיינע מענטשן, נאָר נאָך די באַזונדערהייטן פון זיינע אַקטיאָרן".

די פּיעסע איז אין אַמעריקע לאַנג פאַרבליבן אין רעפּערטואַר. אין 1907 איז די פּיעסע געבראַכט געוואָרן דורך יוליוס אַדלער אין וואַרשע, דאָרט דורך אים אויפגעפירט געוואָרן [„בערטאַ — אסתר רחל קאַמינסקי, „אידאַ" — עמיליע אַדלער, „בערנאַרד זילבערמאַן" — אברהם יצחק קאַמינסקי, „לואיס קאַרשונסקי" — יוליוס אַדלער] און איז זייט דאַמאָלט פאַרבליבן אין רעפּערטואַר פון דער יידישער בינע אין אייראָפּע.

„בערטאַ" איז געווען איינע פון אסתר רחל קאַמינסקיס קרוינראָלן.

„דער אונבעקאַנטער" איז צוערשט דערשינען אין ניו-יאָרק אין „דיא אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק", איז פון דאַנען איבערגעדרוקט געוואָרן אין פּוילן און אין 1911 ווידער איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער ניו-יאָרקער אַלגעמיינער אויסגאַבע פון גאָרדינס דראַמעס.

„דער אונבעקאַנטער" איז אויך געשפּילט געוואָרן אויף דער רוסישער בינע און איז דערשינען אין פּעטערבורג אין רוסיש א"נ „ליבע און טויט".

בערך 1910 איז „דער אונבעקאַנטער" געשפּילט געוואָרן אין אוקראַאיניש אין מזרח-גאַליציע.

אין אַ קיעווער אוקראַאינישן פאַרלאַג איז אַנאָנסירט די דערשיינונג פון דער פּיעסע אין אוקראַאיניש.

לויט ב. גאָרין זיינען אין 1905 נאָך אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס „קעניג און גאָט, סאַטירישע דראַמע אין 5 אַקטן פון אַלע היסטאָרישע צייטן", וועלכע איז באַלד אַרויס פון רעפּערטואַר און איז קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, און „דער מטורף, אָדער אַ מענש פון אַן אַנדערער וועלט" מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„מלכיאל גאַרבער" — לעאָן בלאַנק
„פרומע" — מאַד. שעהנגאָלד
„חצקאל" — עליאַס ראַטשטיין
„בן-ציון" — יעקב פּ. אַדלער
„ישראל יעקב" — פּיטער גראַף
„שרה חוה" — מערי ווילענסקי
„מילקע" — מאַד. י. אַבראַמסאָן [ליזע איינהאָרן]
„אברהם ראָזענבערג" — [וויליאַם] קאָנראַד
„מישא" — יונה גינזבורג
„ליזאַ" — סערע אַדלער
„ירוחם מלמד" — גרשון רובין.

די פּיעסע איז לכתחילה געשריבן געוואָרן פאַר טאָמאַשעווסקין.

בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט וועגן דעם אין אירע זכרונות: „דעם גרויסן כבוד וואָס מיר האָבן געקראָגן פון פּובליקום ווי אויך פון דער פּרעסע פאַר אונזער שפּילן זאַנגווילס פּיעסע, האָט ערוועקט אין אונז אַ חשק צו שפּילן אין נאָר גוטע פּיעסן און טאָמאַשעווסקי באַשטעלט ביי גאָרדינען צוויי פּיעסן מיט אַמאָל, איינע פאַר זיך און די צווייטע פאַר מיר. דאָס זיינען די באַרימטע פּיעסן „דער מטורף" און „אָן אַ היים". אָבער ער האָט זיי ניט געקויפט, ווייל גאָרדין האָט געוואָלט אי געלט און אי כבוד, און דאָס האָט ניט געלוינט אָוועקצוגעבן, ווען מען קאָן אַליין צונויפקלעבן מיט ניכטערעם שפּייעכץ „פּינטעלעך", „נשמהלעך" מיט „פּענדעלעך" . . . "

„דער מטורף" מיט אייגענטום-רעכט פון יעקב פּ. אַדלער, איז געשפּילט געוואָרן כמעט נאָר פון אים און איז לאַנג פאַרבליבן אין רעפּערטואַר. די פּיעסע איז שפּעטער דורך יונה גינזבורג (אין דער ראָל „בן ציון") געשפּילט געוואָרן בעת זיינע גאַסטראָלן אין אייראָפּע און איז דאָרט פאַרבליבן אין רעפּערטואַר.

„דער מטורף" איז צוערשט דערשינען אין ניו-יאָרק אין „דיא אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק", איז אין 1908 איבערגעדרוקט געוואָרן אין פּשעמישל און אין 1911 אין דער ניו-יאָרקער אַלגעמיינער אויסגאַבע פון גאָרדינס דראַמעס.

„דער מטורף" איז אויך געשפּילט געוואָרן אויף דער רוסישער בינע און איז אין 1912 דערשינען אין אָדעס אין דער רוסישער איבערזעצונג פון ד. ראָזענבליט.

אין 1923 איז „דער מטורף" דערשינען אין לעמבערג אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון ישראל ברוך.

אין 1906 איז — לויט ב. גארין — אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס „אלישע בן אבויה" מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„אלישע בן אבויה" — יעקב פּ. אַדלער
„בתבורית" — מערי עפּשטיין
„נעמי" — מערי ווילענסקי
„מרימי" — מאַד. שעהנגאָלד
„רבי מאיר" — עליאַס ראָטשטיין
„ראש הישיבה" — פּיטער גראַף
„שמעון הנזיר" — י. גינזבורג
„טוביה האביוני" — לעאָן בלאַנק
„בעאַטאַ" — סערע אַדלער
„אבנימוס הגרדי" — א. שראַגע
„אַנטאָניוס סערוויאוס" — [וויליאַם] קאָנראַד
„אַ ייד" — גרשון רובין.

די אויפפירונג איז געווען אַ דורכפאַל און איז געשפּילט געוואָרן בלויז אַ וואָך צייט. עטלעכע יאָר שפּעטער האָט אַדלער באַנייט די אויפירונג [מיט אילוסטראַציע-מוזיק פון יוסף רומשינסקי] און געהאַט מיט איר אַ גרויסן דערפאָלג.

וועגן „אלישע בן אבויה" שרייבט דוד פּינסקי: „ . . . גאָרדין נעמט אָבער שוין אַ פּאַרטיקן אחר און שאַפט אַ שוואַכע קאָפּיע פון „אוריאל אַקאָסטאַ", אָדער, וואָס נאָך ערגער, חזרט איבער אין אַ קוים בעסערער פאָרם זיין אייגענעם שונדיקן „מאיר יוזעפאָוויטש". די פּיעסע, מיט אייגנטום-רעכט פון יעקב פּ. אַדלער, איז געשפּילט געוואָרן אין אַמעריקע נאָר דורך אים און איז אויך אַ קורצע צייט געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע.

אין 1909 איז „אלישע בן אבויה" אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון ק. י. סילמאַן אויפגעפירט געוואָרן אין ירושלים.

„אלישע בן אבויה" איז צוערשט דערשינען אין ניו-יאָרק אין פאַרלאַג „דיא אונטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק", איז דערנאָך איבערגעדרוקט געוואָרן אין פּוילן און אין 1911 אין דער ניו-יאָרקער אויסגאַבע פון גאָרדינס דראַמעס.

אין 1912 איז „אלישע בן אבויה" דערשינען אין אָדעס אין אַ רוסישער איבערזעצונג פון ד. ראָזענבליט און אין 1916 אין ירושלים אין העברעאיש, איבערזעצט פון ר' קלונימוס [ק. ל. סילמאַן].

נאָכדעם ווערט אין זעלבן יאָר (1906) — לויט ב. גאָרין — אויך אויפגעפירט ג.'ס איבערזעצונג פון מאַקסים גאָרקיס „די קינדער פון דער זון" און זיין אייגענע פּיעסע „דער פרעמדער" מיט פאָלגענדיקן פּערסאָנאַל [לויט בערנאַרד קאַנער]:

„נפתלי הערץ לעווין" — יעקב פּ. אַדלער
„בלומע" — סערע אַדלער
„בעני" — יונה גינזבורג
„לילי" — פרענציס אַדלער
„פּיניע סטאַראָדוב" — לעאָן בלאַנק
„קלמן משה" — פּיטער גראַף
„שרה העניע" — מערי ווילענסקי
„אַ רב" — אַדאָלף שראַגע.

דוד פּינסקי שרייבט וועגן דער פּיעסע: „דער פרעמדער" איז אַרויסגעוואָקסן, ווי גאָרדין אַליין גיט אָן, פון טעניסאָנס „ענאָק אַרדען". ג. אַליין אָבער פאַרזיכערט אין זיין בריוו צו זיין פריינט ראָזענבלום: „דער פרעמדער" איז מיינע אַן אָריגינעלע פּיעסע."

כאַראַקטעריסטיש פאַר ג.'ס מיינונג וועגן דער פּיעסע איז די „דרשה", וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרן פּובליקום בעת אַן אויפירונג פון „דער פרעמדער" [לויט לעאָן בלאַנק, איבערדערציילט פון לעאָן

קאָברין]: „איך האָב אייך געגעבן אַ פּיעסע „אלישע בן אבויה", איז זי אייך ניט געפעלן געווען און מיר איז זי זייער געפעלן געווען. האָב איך אייך איצט געגעבן אַן אַנדערע פּיעסע „דער פרעמדער". איז זי אייך געפעלן און מיר — זייער ניט. וואָס לויפט איר צו אַזאַ נאַרישער מעלאָדראַמע? וואָס געפעלט אייך דאָרט?"

פאַקטיש האָט אויך „דער פרעמדער" ניט געהאַט קיין גרויסן דערפאָלג, הגם אַדלער האָט זיך אין דער פּיעסע באַזונדערס אויסגעצייכנט.

אין 1907 איז — לויט ב. גאָרין — אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס פּיעסע „אויף די בערג" מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„סעמועל מעלקין" („שמואליק זאַווערוכע") — ש. טאַבאַטשניקאָוו [טאָביאַס]
„סערע" — נעטי טאַבאַטשניקאָוו [טאָביאַס]
„עוועלין" — מאַטילדאַ שראַגע
„פּנינה" — קעני ליפּצין
„מלך נתן טאַרבע" — גוסטאַוו שאַכט
„חיים משה מעלקין" — א. גילטמאַן
„באָבע סאָסיע" — עני מאַנע
„איזי" — מאָרים מאָשקאָוויטש
„קלמן יצחק נעכאַמקעס" — ס. טאַרנבערג
„נגד אדם" — מאָרים מאָשקאָוויטש
„רוח הטבע" — נעטי טאַבאַטשניקאָוו.

דוד פּינסקי שרייבט וועגן „אויף די בערג": „. . . אַ טויט געבוירן קינד פון זיין מוזע מיט אַ מין וויכטיק מאַכנדיקן, אָבער אין דער אמתן גאַנץ קינדישן פּראָלאָג. . . . אָבער ווייטער ווי צו קאַריקאַטור אויף אַ פּאָר אים פּערזענלעך אומאָנגענעמע ניו-יאָרקער בורזשויעס האָט ער ניט געבראַכט . . ."

די פּיעסע איז לאַנג ניט פאַרבליבן אין רעפּערטואַר און איז אַ חוץ אין אַמעריקע אין ערגעץ ניט געשפּילט געוואָרן.

אין 1911 איז די פּיעסע דערשינען אין ניו-יאָרק צווישן ג.'ס געזאַמלטע דראַמעס.

ווייזט אויס, אַז די לעצטנס אָפטע דורכפאַלן אין טעאַטער און די ניט איבריק פריינטלעכע סביבה האָבן אונטערגעגראָבן ג.'ס געזונט. מעגלעך אויך, אַז צוליב דעם ניט וועלן „פאַרזעסן ווערן" אין אַמעריקע, האָט ג. באַשלאָסן צו באַזוכן אייראָפּע, הויפּטזעכלעך קאַרלסבאַד.

גראַד אין יענער צייט האָט ער פון זיין פריינט ראָזענבלום אין אָדעס באַקומען אַן איינלאַדונג צו קומען אין רוסלאַנד. דערויף ענטפערט אים ג.: „. . . איך פאַרשטיי ניט וואָס מיינט איר מיט דעם וואָרט „גאַסטראָלירן". זאָל איך קומען מיט אַ טרופּע? דאָס איז פאַר מיר אַ צו שווערע און אַ צו פרעמדע מלאכה. איך האָב גערעדט מיט איינעם פון די אַקטיאָרן — מיט זיי דאַרף ריידן אַ געשעפטסמאַן . . . איך אַליין זאָל קומען? איך וועל זיין דעם זומער אין אייראַפּע (אין קאַרלסבאַד), דאָס הייסט, איך האָב געהייסן קויפן זיך אַ שיפס-קאַרט אויפן שיף, וואָס גייט אַרויס פון ניו-יאָרק דעם 13טן יוני [1907]. מיט דעם שיף פאָרן מיינע בעקאַנטע — אַליין האָב איך מורא צו פאָרן. אַלזאָ — 90 פּראָצענט פאָר איך. אויסער דעם, אייניקע פון אונזערע בעסטע אַקטיאָרן וועלן אויך זיין זומער אין אייראָפּע (אין ענגלאַנד, גאַליציע א. אז. וו.). וועגן זיך אָבער דאַרף איך אייך ערקלערן: איך בין נאָך ניט קיין אַמעריקאַנער „גראַזשדאַנין" [בירגער] — איך האָב אָפּגעלייגט אויף שפּעטער . . . און קיין רוסישער בין איך אויך ניט. ווייס איך ניט ווי אַזוי איך וועל קאָנען קומען. נאָר אויב איך וועל „קענען", וועל איך מיט פאַרגעניגן און מיט פרייד אַראָפּפאָרן פון קאַרלסבאַד קיין אָדעס".

ג. האָט אין יענעם זומער באַזוכט אייניקע מערב-אייראָפּעאישע לענדער און אויך גאַליציע [אין רוסלאַנד האָט ער אַלס „אויסלענדישער ייד" ניט געקאָנט אַריינקומען] און האָט אָפּגעדרוקט אין „דיא וואַרהייט" [6 יולי — 7 דעצ. 1907] אַ ריי רייזע-בילדער, דערונטער אייניקע וועגן יידישן טעאַטער.

יעקב מעסטעל, וועלכער האָט אָפט פאַרבראַכט מיט ג. בעת זיין באַזוך אין לעמבערג, גיט איבער, אַז ג. האָט אויף די דאָרטיקע ליטעראַריש-קינסטלערישע קרייזן געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעך אימפּאָזאַנטן איינדרוק סיי מיט זיין פּערזענלעכקייט, סיי מיט קאָלעגיאַלער פריינטלעכקייט און אפילו מיט זיין הערשער-נאַטור אַרום דעם רוסישן סאַמאָוואַר טיי אין זיינע האָטעל-צימערן.

אַביסל שאָקירט האָט נאָר ג.'ס סענסיטיווקייט, ווען מען האָט געוואַגט אַמאָל צו קריטיקירן זיינע פּיעסן, הגם ער אַליין האָט אין אַ רעדע צום פּובליקום אין דאָרטיקן גימפּעל-טעאַטער, בעת זיין ערען-פאָרשטעלונג פון „מטורף" (איינגעאָרדנט פון דער לעמבערגער אינטעליגענץ מיטן אַמעריקאַנער גאַסטראָלער י. גינזבורג אַלס „בן-ציון"), גאָר שאַרף קריטיקירט די אויפירונג און דאָס שפּילן.

געלעגנטלעך ג.'ס קומען, זיינען אין דער דאָרטיקער פּרעסע דערשינען פיל אָפּהאַנדלונגען וועגן ג., דערונטער אַ סעריע אַרטיקלען „יעקב גאָרדין" פון דר. צבי שפּיצער-ביקעלס אין „יודישער אַרבייטער" און אין דער דייטש-יידישער „פריישטאַט" אין בערלין (רעד. מרדכי קויפמאַן).

דעם 23 אויגוסט 1907 איז ג. צוריקגעקומען פון אייראָפּאַ און דעם 27 אויגוסט איז אין קאַלישס טעאַטער איינגעאָרדנט געוואָרן לכבוד אים אַ גרויסער קבלת-פּנים, אויף וועלכן ער האָט איבערגעגעבן זיינע איינדרוקן פון אייראָפּע.

דעם 12 סעפּטעמבער 1907 האָט ג. געהאַלטן אין „יעקב גאָרדין ליטעראַרישן סוירקל" אין ניו-יאָרק אַ רעפעראַט אויף דער טעמע „די יידישע דראַמע און די יידישע בינע", וועלכער איז דעם 15 סעפּטעמבער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „דיא וואַרהייט".

די לעצטע דערפאָלגרייכע פּיעסע פון ג. איז געווען זיין „אָן אַ היים", אויפגעפירט אין אָקטאָבער 1907, אין גרענד-טעאַטער, מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„ר' יעקב אלחנן" — אברהם שאַפּיראָ
„אייבי ריבקין" — יעקב פּ. אַדלער
„בת-שבע" — **סערע אַדלער**
„הערדי (הענעך)" — בעלאַ בעקער
„בעסי שטיינבערג" — מערי ווילענסקי
„פיליפּ ווייס" — מאָרים מאָשקאָוויטש
„לינאַ" — פעני גרינבערג
„מורדעי" — ס. ראָזענשטיין
„מרס. העמילטאָן" — מאַדאַם גאָלד.

דוד פּינסקי שרייבט וועגן דער פּיעסע: „אין „אָן אַ היים" האָט ער [גאָרדין] געוואָלט אַרויסברענגען ווי דאָס אַמעריקאַנער לעבן צעשטערט דאָס יידישע פאַמיליען-לעבן און פאַרניכטעט די לאַנג-איינגעפונדעוועטע יידישע היים און ער דערציילט ברייט און לאַנג עטלעכע מעשיות, צווישן וועל-

כע דעם הויפּט-אָרט פאַרנעמט די געשיכטע פון אַ פּראָסטער יידישער פרוי, וואָס איר מער פאַרטגעשריטענעם מאַן ווערט לאַנגווייליק מיט איר און ער פאַרליבט זיך אין אַ מער פאַרטגעשריטענע, געבילדעטע מיידל. דאָס איז אַזוי פיל אַמעריקאַניש און יידיש וויפיל רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש. און דער פאַקט איז, אַז דער דייטש הויפּטמאַן האָט שוין מיט 17 יאָר צוריק באַהאַנדלט איין ענלעכע טעמע אין זיינע „איינזאַמע מענטשן״.״

אין זיין קריטיק אין „פאָרווערטס״ ווייזט אָן אב. קאַהאַן, אַז די פּיעסע איז גענומען פון זיין „יעקל טהי יענקי״ און „די שכנים״, און דאָס גיט ווידער ג.׳ן אַ געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן אין די אַנטראַקטן פון די פאָרשטעלונגען און אין „די וואַרהייט״ מיט אַנגריפן קעגן קאַהאַנען און דעם „פאָרווערטס״.

אב. קאַהאַן שרייבט וועגן דעם: „אַזוי ווי איך בין געווען דער דראַמאַטישער און ליטעראַרישער קריטיקער פון „פאָרווערטס״ פלעג איך שרייבן קריטיק אויף זיינע [ג.׳ס] פּיעסען, וועגן אים פּערזענלעך האָב איך קיינמאָל ניט גערעדט. זידל-ווערטער, שטעך-ווערטער אָדער באַליידיגנדיקע אָנצוהערענישן זיינען אין מיינע קריטיקן אַבסאָלוט קיינמאָל ניט אַריינגעקומען. וועגן אים אַלס שריפטשטעלער אין אַלגעמיין פלעג איך אויך ניט שרייבן. . . . מיין קריטיק [אויף „אָן אַ היים״] איז געווען ניט קיין גינסטיקע. זי איז געשריבן געוואָרן אָן דער קלענסטער אָנצוהערעניש אויף אַ פּערזענלעכן אָנגריף. אויף דעם האָט גאָרדין אָפּגעענטפערט מיט אַ לאַנגן אַרטיקל (אין „וואַרהייט״ פון 30 נאָוועמבער 1907), דער אַרטיקל איז געשריבן „בלשון סגי נהור״. אַלץ ווערט כלומרשט געזאָגט פונקט פאַרקערט. . . . ביז ער צעגלידערט און באַשמוצט יעדע זייט פון מיין פּערזאָן, אַריינדרינגענדיק אין ווינקעלעך פון מיין פּריוואַט לעבן, אַזוי גוט ווי אין מיין קהלשער טעטיקייט״.

די ראָל „בת-שבע״ אין „אָן אַ היים״ איז געוואָרן איינע פון סערע אַדלערס קרוין-ראָלן און איז דורך איר פיל געשפּילט געוואָרן אין אַמעריקע און אויך אין אייראָפּע.

ערשט אין 1913 איז די פּיעסע „אָן אַ היים״ געשפּילט געוואָרן אין פּוילן דורך אסתר רחל קאַמינסקי מיט איר טרופּע. אויפן גרונד פון דעראָזיקער אויפירונג שרייבט נח פּרילוצקי: „ „אָן אַ היים״ — דער מחבר האָט, קענטיק, געוואָלט, דער טיטל זאָל קלינגען סימבאָליש. „אָן אַ היים״ — דאָס איז די כאַראַקטעריסטיק פון יידישן פאַמיליען לעבן אין אַמעריקע — פון אַמעריקאַנישן לעבן בכלל — דאָס איז אויך דער עצם פון גאַנצן יידישן לעבן. . . . אין דער פּיעסע איז פאַראַן אַביסל צופיל מעלאָדראַמאַטיזם. . . . די גרונט-אידעע פון שטיק איז עטוואָס פאַרנעפּלט, צעשוואָומען: צופיל טוט זיך אין אים, צופיל פעדים קרייצן זיך — און דאָס שטערט דער האַרמאָניע פון גאַנצן, דער אויפוויקלונג פון הויפּט-ספּור-המעשה. נאָר אין אַלגעמיין בליצן דאָ און דאָרט דורך געלונגענע איינפאַלן. איניקע פון זיי דערמאָנען די מאָטיוון פון דעם פאַרפאַסערס פריערדיקע דראַמעס. די פּיעסע איז פול מיט רעמיניסצענצן פון יעקב גאָרדינס בעסטע ווערק. ווי שטענדיק ביים פאַרשטאָרבענעם מחבר פון „מירעלע אפרת״, האָבן מיר אַ סך ל ע ב נ ס א ר ט. „אָן אַ היים״ באַזיצט גענוג וואַרהאַפּטיקע שטריכן פון יידישן לעבן אין אַמעריקע. ענדלעך, דאָס שטיק פאַרמאָגט עטלעכע טרעפלעך און לעבעדיק אויפגעצייכנטע, עכט-גאָרדינישע טיפּן״.

מיטן אָפּשטאַרבן פון אסתר רחל קאַמינסקי איז די פּיעסע אַרויס פון רעפּערטואַר און איז ערשט באַנייט געוואָרן אין 1920 מיט אַן אויפירונג אין דער ווינער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע״ (רעזשי: יעקב מעסטעל, „בת-שבע״ — ראָזאַ זיגלער).

אין 1911 איז די פּיעסע „אָהן אַ היים״ דערשינען אין ניו-יאָרק אין דער אויסגאַבע פון יעקב גאָרדינס דראַמעס.

ג.׳ס נסיעה אין אייראָפּע איז געקומען צום אויסדרוק ניט נאָר אין זיינע רייזע-אַרטיקלען, נאָר אויך אין אַ נייער פּיעסע: „גלות גאַליציע״, וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן דעם 31 דעצעמבער 1907 אין גרענד-טעאַטער.

דער פּערסאָנאַל ביי דער פּרעמיערע [לויט אַ מאַנוסקריפּט פון דער פּיעסע, וועלכער געפינט זיך ביי שלום פּערלמוטער אין ניו-יאָרק] איז — לויט יעקב וועקסלער — באַשטאַנען פון:

„ר׳ ישראליק״ — יעקב פּ. אַדלער
„הדסה״ — סערע אַדלער
„ר׳ משה״ — לייזער גאָלדשטיין
„ר׳ וואָלף״ — מאָריס מאָשקאָוויטש
„משה פּרוש״ — סעמועל ראָזענשטיין
„שלמה מקפּיד״ — אברהם שאַפּיראָ
„אַראַבעלאַ״ — גאָלדע שאַפּיראָ
„דר. גוטמאַן״ — הײמאַן מייזעל
„פּעלצנער״ — אַדאָלף שראַגע
„פּתחיה גרשון״ — יעקב וועקסלער
„ר׳ חיים גרינדוס״ — גרשון רובין
„ישראל״ — *
„ערשטער גבאי״ — *.

בעת „די וואַרהייט״, אין וועלכער ג. איז געווען אַ מיטאַרבעטער, איז אַריין אין התפעלות וועגן דער פּיעסע, איז זי אין „פאָרווערטס״ שטאַרק אַרונטערגעריסן געוואָרן און די פּיעסע האָט געליטן אַ דורכפאַל. ניט וועלנדיק זיך אונטערגעבן, האָט ג. בכיון געשטעלט די פּיעסע צו זיין ערן-אָוונט, אַנאָנסירנדיק, אַז ער וועט אויף דעם אָוונט אויספירלעך ריידן וועגן קאַמף קעגן „פאָרווערטס״. אָבער קיין עולם איז ניט געקומען און די פּיעסע איז אַרויס פון רעפּערטואַר.

„דיא וואַרהייט״ האָט דאַמאָלט (אין לייטאַרטיקלען און אין שטימען פון פאָלק״) פאָרגעוואָרפן קאַהאַנען, אַז ער איז פּאַרטייאיש צו ג.

אַלס ענטפער דערויף האָט אב. קאַהאַן פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס״ [1 פעברואַר — 31 מאַי 1908] אַ סעריע אַרטיקלען [סקיצירט אין קאַהאַנס בוך „אין די מיטעלע יאָהרען״, זז. 29-521], אין וועלכע ער אַנאַליזירט ג.׳ס פּיעסען („גאָרדינס פּלאַץ אַלס יידישער דראַמע-שרייבער״, „יעקב גאָרדין און טעאַטער-קריטיק״, „פרייע ליבע און פרייע קריטיק״, „פּראָזע און פּראָזע אויף דער יידישער בינע״, „די פּערזאָנען אין גאָרדינס פּיעסען״, „וואָס הייסט אַן אָריגינעלעס ווערק?״, „גאָרדינס „סאַפאָ״, „גאָרדינס „מירעלע אפרת״).

דידאָזיקע אַרטיקלען האָבן אין זיין צייט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקן אינטערעס אין דעם יידישן אַמעריקע; זיי זיינען געווען דאָס טאָג-געשפּרעך ביי די צענדליקער טויזנטער יידישע טעאַטער-באַזוכער.

קאַהאַנס אַרטיקלען, ווי אויך איבערגעדרוקטע אַרטיקלען פון ג.׳ס קענגער אין אייראָפּע, האָבן אַרויסגערופן ענטפערס פון ג. און ווינטשעווסקי, ווי אויך נייע „פאָלקס-שטימען״ אין „דיא וואַרהייט״. אין דעם סכסוך איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן דער שוישפּילער אַדלער, וועלכער האָט פאַרעפנטלעכט אַ בריוו קעגן ג., אויף וואָס ג. האָט אים שאַרף אָפּגעענטפערט.

אַחוץ דעם האָט קאַהאַן איבערגעדרוקט אין „פאָרווערטס״ [27—

31 מערץ 1908] ג.׳ס אַרטיקלען „די גרויסע וועלט דראַמע“ (וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין „די פרייע געזעלשאַפט“, 1900-1899), כדי אין אַ ווייטערדיקער סעריע אַרטיקלען [„פאָרווערטס“, 11-1 אַפּריל 1908] צו באַווייזן, אַז „די גרויסע וועלט-דראַמע“ האָט ג. גענומען פון דזשאָן אוען׳ס בוך „די פינף גרויסע סקעפּטישע דראַמעס פון דער געשיכטע“ (לאָנדאָן 1896) און אַז כמעט אַלע ג.׳ס אַרטיקלען וועגן ריטם, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין „צוקונפט“ זיינען גענומען פון קאַרל בוכער.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע אומשטאַנדן און באַציאונגען האָבן קיין גוטס ניט געטאָן דעם בעסערן טעאַטער. בפרט אַז דער ברייטער עולם טעאַטער-באַזוכער האָט סיי ווי אָנגעהויבן זיך אָפּקערן פון דער בעסערער דראַמע.

ב. גאָרין שרייבט וועגן יענעם פּעריאָד: „דאָס איז געווען אַ ביטערע צייט פאַר דער בעסערער דראַמע . . . צוויי סעזאָנען האָט גאָרדין געשריבן פאַר אַדלער און אין גרענד [טעאַטער] זיינען אויפגעפירט געוואָרן „דער מטורף“, „אלישע בן אבויה“, „אמתע קראַפט“, „גאַליציע“ און נאָך אַ פּאָר אַנדערע. פון זיי זיינען אַ פּאָר דורכגעפאַלן מיט אַ קנאַק. „אלישע בן אבויה“ האָט זיך קוים געהאַלטן אַ וואָך צי צוויי און „גאַליציע“ האָט אפילו איין וואָך ניט דערצויגן, און צווישן אַדלער און גאָרדין האָט זיך אָנגעהויבן די אייביקע לאָדעניש. עס האָט ביי זיי זעלטן געטראָפן, אַז זיי זאָלן אָפּשטיין אַ סעזאָן אָדער צוויי צוזאַמען און ניט אָנקומען צום געריכט. גאָרדין איז געבליבן אָן אַ טעאַטער און הגם ער האָט שוין פאַר זיינס אַ ווערק געקראָגן אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר, האָט ער אָבער דערפילט, אַז ער פאַרלירט דעם באָדן אונטער זיינע פיס און זיין אָנהאַלט אין טעאַטער איז געוואָרן שוואַכער. ער אַליין האָט עס צוגעשריבן צו דעם נאַציאָנאַלן ערוואַכן פון דעם יידישן פאָלק. דאַמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן דער נאַציאָנאַליסטישער געדאַנק צווישן יידן, און זיינע דראַמען, וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיטן קאָסמאָפּאָליטישן גייסט, האָבן שוין ניט געקאָנט אַרויסרופן יענעם ענטוזיאַזם, וואָס זיי האָבן פריער באַגעגנט אין די ראַדיקאַלע קרייזן. עס איז מעגלעך, אַז ביז אַ געוויסן גרונד האָט דער ערוואַכטער נאַציאָנאַליזם געשאַפן אַ קעגנערשאַפט קעגן זיין ראַדיקאַלער טענדענץ. זיין „טהרת המשפחה“ האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפן פּראָטעסט אין די נאַציאָנאַל-געזאָנענע קרייזן, צו זיין „גאַליציע“ און „אלישע בן אבויה“ איז קיינער ניט געקומען. אָבער דאָס איז ניט געווען די הויפּט אורזאַך פאַרוואָס דער באָדן האָט זיך גענומען אַוועקגליטשן פון אונטער זיינע פיס, ווייל דער זעלביקער „אלישע בן אבויה“ האָט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין דער סאַמע צייט פון גאָט-זוכעניש, געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. גאָרדין האָט אָנגעהויבן צו פאַרלירן זיין פּלאַץ אויף דער בינע ווייל די גרויסע מחנות פון די ניי אַריבערגעקומענע אייננוואַנדערער האָבן ניט געקאָנט פאַרדייען קיין בעסערע דראַמען און די דירעקטאָרן האָבן זיך פון הויט געריסן צו געווינען דעם גרויסן עולם אויף זייער זייט . . . “ און ווייטער:

„ . . . דעם גרעסטן קלאַפּ האָט די בעסערע דראַמע געקריגן פון דער גרויסער אייננוואַנדערונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך די שרעקלעכע קעשעניעווער פּאָגראָמען. די זעלביקע רדיפות אין רוסלאַנד, וואָס האָבן אין די אַכציקער יאָרן געשאַפן אין אַמעריקע די היים פון דעם יידישן טעאַטער און פון וועלכע ער האָט אַלע יאָרן געצויגן זיין יניקה און דערהויבן זיך צו אַזאַ גדולה, האָבן אין עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַרום געגעבן דער בעסערער דראַמע אין אַמעריקאַ אַ טויט-קלאַפּ. נאָך די קעשעניעווער רציחות האָט די יידישע אייננוואַנדערונג אין אַמעריקע דערגרייכט די העכסטע מדרגה. די גרעסטע צאָל פון די דאָזיקע אייננוואַנדערער האָבן ביז זייער קומען קיין אַמעריקע קיין טעאַטער ניט געזען און ווען זיי האָבן דאָ אַביסל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און זיינען געקומען צו זיך, זיינען זיי נייגיריק געוואָרן צו זען אַ יידישע פאָרשטעלונג. זיי האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אין טעאַטער מחנות-ווייז, נאָר די בעסערע פּיעסן און דער העכערער סאָרט שפּילן האָבן ביי זיי קיין חן ניט געקאָנט געפינען. זיי איז בעסער געפעלן געוואָרן יענער מין אומגעלומפּערטע שטיקער און יענער מין גראָבער שפּילן, וואָס איז אין משך פון אַ פּאָר צענדליק יאָר פאַרשטופּט געוואָרן פון דער בינע. אָבער אפילו די ביליקע שטיקער זיינען געווען צו הויך פאַר זיי. די דאָזיקע שטיקער האָבן שוין איצט געהאַט אַ געוויסע פּאָליטור און דאָס איז געווען אַ חסרון צום שדוך. די נייע באַזוכער האָבן געדאַרפט האָבן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל האָבן אַ שייכות מיט אַן אמתן פּורים-שפּיל. אַרום דער צייט האָבן אויפגעבליט „די מוזיק-האָלס“.“

בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט וועגן דעם: „ . . . אין „טאַליאַ טעאַטער“ האָט מען דאַן געשפּילט סאַמע „גאָרדין“ און קעסלער מיט דער ליפּצין, קאַליש מיט מאָשקאָוויטשען און די איבריקע אַקטיאָרן דאָרטן האָבן זיך דאַן געשאַפן זייער באַרימטקייט, אָבער מיר אין פּיפּלס טעאַטער האָבן זיך דאַן געשאַפן רייכטום. מילא . . . נאָר זיי, די אַקטיאָרן אין טאַליאַ-טעאַטער, זיינען נעבעך ניט שולדיק געווען וואָס דער גרויסער גאָרדין האָט זיי גרויס געמאַכט . . . נאָר גיך האָבן זיי זיך מתקנא געווען אין אונזערע גרויסע איינגאַמעס און זיי האָבן פאַרוואָרפן די קונסט אויף די באַנטעס, געשיקט „גאָט מענטש“ — צום „טייוול“ און זיך גענומען „דעליווערן די גודס“ [צושטעלן די אמתע סחורה] צו „ר׳ מאָישען“, צום ווערטן פּובליקום, הייסט עס.“

לויט ב. גאָרין, איז אין 1908 נאָך אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס פּיעסע „די משוגעת אין אַמעריקע, פאָלקסשטיק“, וועלכע איז באַלד אַראָפּ פון דער בינע און איז קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

„די לעצטע דראַמע וואָס גאָרדין האָט אָנגעשריבן — שרייבט ב. גאָרין — האָט געהייסן „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ“. די דאָזיקע פּיעסע האָט פריער אָפּגעקויפט קעסלער, אָבער אין מיטן האָט ער זיך דערשראָקן און חרטה געקריגן. נאָכדעם האָט זיך טאָמאַשעווסקי אונטערגענומען אויפצופירן די פּיעסע און ניט זייענדיק זיכער ווי אַזוי דער עולם וועט איר אויפנעמען, האָט ער פריער געגעבן אַ פאָרשטעלונג אויף דער פּראָווינץ און ערשט נאָכדעם אויפגעפירט אין פּיפּלס טעאַטער. די פּיעסע האָט ניט אויסגענומען און דאָס האָט פאַרשאַפט איבריקן שברת הלב דעם רעפאָרמאַטאָר פון דער יידישער בינע אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן. ער איז שוין געווען דאַמאָלט געפערלעך קראַנק. ער האָט געליטן פון אַ ראַק און אין אַ האַלב יאָר אַרום איז ער געשטאָרבן“. גאָרין באַמערקט דערצו אַז דער דורכפאַל פון „דעמענטיע אַמעריקאַנאַ“ איז געווען ווי אַ סיגנאַל, אַז די [דאַמאָלטיקע] עפּאָכע פון דער בעסערער דראַמע האָט זיך געענדיקט.

בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט אין אירע זכרונות וועגן דער אויפפירונג: „מיר האָבן די פּיעסע גוט איינשטודירט און בעפאָר מיר האָבן עס געשפּילט דאָ אין ניו-יאָרק, זיינען מיר געפאָרן אין אַ קליין שטעטל, טרענטאָן, ניו דזשוירזי, פאַר אַ „טריי-אַוט“, דאָס הייסט, מאַכן אַ גענעראַל פּראָבע נאָר פאַר אַ פּובליקום, וואָס האָט באַצאָלט פאַר טיקעטס. . . . בעפאָר דער פאָרשטעלונג פון „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ“ דאָרט אין טרענטאָן, ניו דזשוירזי, בין איך מיט גאָרדינען אַריין אין אַ לאָנטש רום [קליינער רעסטאָראַנט] „כאַפּן אַ ביס“, דאָס הייסט, פּשוט עפּעס עסן. פּלוצים, מיר זיצן

און עסן, ווערט גאָרדין ווייס ווי קאַלך, עס ווערט אים שלעכט און ער קאָן דעם ביסן ניט אַרונטערשלינגען. איך האָב זיך זייער דערשראָקן, ביז ער איז געקומען אַביסל צו זיך און געקאָנט דעם אָטעם ציען. ער האָט זיך געקלאָגט פאַר מיר, אַז עפּעס איז דערדאָזיקער אָנפאַל אַ צו אָפטער גאַסט ביי אים און איך האָב געפּרובט אים פאַררײדן פון זיינע שמערצן. . . . גאָרדין איז געווען זייער נערוועז דאַן, בעפאָר מיר האָבן אויפגעפירט „דעמענטיא“. איך האָב אים געפרעגט וואָרום ער איז אַזוי נערוועז, עס איז דאָך ניט די ערשטע פּיעסע זיינע, וואָס מען פירט אויף, און גאָרדין האָט זיך, ווי זיין געוויינהייט איז געווען, אַ גלעט געטאָן זיין שוין שטאַרק גרויע באָרד און מיט אַ מין מיסטישע טרויעריגקייט מיר געענטפערט: עס איז ניט מיין ערשטע פּיעסע, איך האָב אָבער מורא, בעסי, אַז דאָס איז מיין לעצטע!“

באָרים טאָמאַשעווסקי, וועלכער האָט אויפגעפירט די פּיעסע, דערציילט וועגן דעם אין זיינע זכרונות: „גאָרדין האָט אין דעם ווערק „דעמענטיע אַמעריקאַנא“ אָנגערירט דעם גרויסן בום [אַרויפגעשרויפטע פרייזן] פון ריעל עסטעיט [לאַנד-באָדן און הייזער], וואָס איז צו יענער צייט פאָרגעקומען אין בראָנזוויל, איסט ניו-יאָרק, בראָנקס און ברוקלין. . . . די פּיעסע האָט ניט געהאַט דעם געוואונשטן בייפאַל נאָר דערפאַר, ווייל אַ סך פון די, וואָס זיינען געווען פאַרמישט אין דעם קריינק פון ריעל עסטעיט, זיינען געקומען אין טעאַטער אַריין, און ווען ניט זיי אַליין, איז זייערע קינדער, זייערע קרובים און גאָרדין האָט מיט זיין „דעמענטיע אַמעריקאַנא“ געלאַכט פון זייערע יסורים און דערמאָנט זאַכן, וועלכע זיי האָבן געזוכט צו פאַרגעסן און דערשטיקן. איך האָב אָנגעווענדעט אַלע טעאַטער-מיטלען צו מאַכן די פּיעסע פאַר אַ סוקסעס, אָבער עס האָט מיר ניט געהאָלפן. איך האָב געקריגן פיל פּראָטעסט-בריוו און געבעט-בריוו איך זאָל די פּיעסע ניט שפּילן. יעקב גאָרדין ווידער האָט זיך געשעמט זיינע אַ פּיעסע זאָל אַרונטערגענומען ווערען און ער האָט מיך באַאיינפלוסט די פּיעסע ווייטער צו שפּילן און איך האָב פון דעם אינגיכן צוגעלייגט יעדע וואָך עטלעכע טויזנטער. די צייטונגען האָבן מיטגעהאָלפן די פּיעסע אַרונטערצורייסן, די צייטונגען האָבן געשריגן גוואַלד, אַז עס איז ניט רעכט, אַז דאָס טעאַטער זאָל גיין אויף יענעמס געפילן און „דעמענטיאַ אַמעריקאַנא“, וואָס איז אַזוי שיין אויפגעפירט געוואָרן און שיין געשפּילט געוואָרן, האָט געמוזט אַרונטערגיין. . . . מיט יעקב גאָרדין האָב איך אָפּגעמאַכט, אַז ער זאָל זיך ניט מישן צו דער אויפירונג פון דער פּיעסע. איך אַליין האָב די פּיעסע אויפגעפירט און יעקב גאָרדין איז ביינאַכט געקומען צו דער ערשטער פאָרשטעלונג פּונקט ווי אַ פרעמדער טעאַטער-באַזוכער. ער האָט זיך מיט זיין פאַמיליע אַריינגעזעצט אין אַ לאָזשע און באַוואונדערט זיין פּיעסע. אין דעם דריטן אַקט האָט מען יעקב גאָרדין אַרויסגערופן מיט האַרצלעכע אַפּלאָדיסמענטן, יעקב גאָרדין האָט געדאַנקט דעם אַפּלאָדירנדיקן עולם און מיר געדאַנקט פאַר דער אויפירונג און זיך אויסגעשפּראָכן, אַז פון אַלע פּיעסען, וואָס ער האָט אויפגעפירט אין ניו-יאָרק, איז נאָך קיין פּיעסע אַזוי רעאַל אויפגעפירט געוואָרן און אַזוי שיין געשפּילט געוואָרן. יעקב גאָרדין האָט אַ קורצן נחת געהאַט פון זיין פּיעסע „דעמענטיא אַמעריקאַנא“ וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר דעם בעסטן ווערק [?] פון אַלץ אַ קורצן נחת געהאַט פון זיין פּיעסע „דעמענטיא אַמעריקאַנא“, איז יעקב גאָרדין אַריינגעגאַנגען אין מיין דרעסינג-רום [גאַרדעראָב] בלאַס. זיין גאַנצער קערפּער האָט געפּיבערט. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דעם זעלבן קויטש [סאָפע], וואָס אברהם גאָלדפאַדען איז [אַמאָל] געלעגן און געזאָגט צו מיר:

— טאָמאַשעווסקי, איך פיל ניט גוט. מיך פיבערט, מיר ווערט קאַלט און היים. אפשר וועט מיר בעסער ווערן, איך וויל דאָ ביי אייך אַביסעלע ליגן.

— אפשר אייך צודעקן מיט מיין פעלץ?

„איך האָב יעקב גאָרדין [ען] גוט איינגעדעקט.

— אפשר אַ גלאָז טיי מיט ראָם? איך וועל אויסלעשן די עלעקטריק און איר וועט אייך דאָ גאַנץ רואיק לייגן. נאָך דעם דריטן אַקט וועל איך אייך אויפוועקן, איך האָב מיט אברהם גאָלדפאַדען אויך געטאָן דאָס אייגענע.

— און ער איז געשטאָרבן?! — האָט גאָרדין אַ געשריי געטאָן — הייסט עס, אַז מיט מיר וועט אויך זיין דאָס אייגענע . . . איך וויל נישט שטאַרבן, איך האָב אַ שטוב קליינע קינדערלעך — און געענדיקט האָט ער מיט עטלעכע רוסישע מי שברדס . . .

„אין עטליכע טעג שפּעטער איז יעקב גאָרדין געשטאָרבן“.

מ. ווינטשעווסקי, ג.׳ס אינטימער פריינט, דערציילט וועגן ג.׳ס לעצטע טעג: „. . . מיט אַ טאָג אָדער צוויי פאַר דעם 27טן מאַי איז ער נאָך געווען כמעט מונטער, דאָס הייסט, צייטנווייז; ער האָט נאָך געהאַט רואיקע, כמעט האָפנונגספולע מאָמענטן.“



יעקב גאָרדינס מצבה

אַ קורצע צייט איז ג. געלעגן אין בית-ישראל-האָספּיטאַל און דעם 10 יוני 1909 איז ער געשטאָרבן אין זיין היים אין ניו-יאָרק. ווי ווינטשעווסקי גיט איבער, זיינען זיינע לעצטע ווערטער געווען: „פיניטא לאַ קאָמעדיא“.

ג.׳ס טויט האָט אַרויסגערופן גרויסן טרויער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג: „ווען גאָרדין איז געשטאָרבן, — שרייבט לעאָן קאָברין — האָבן הונדערטער טויזנטער יידן אים באַוויינט. אַזאַ לויה האָט נאָך ניו-יאָרק ניט געזען. דאַן ערשט האָט מען געפילט ווער און וואָס גאָרדין איז געווען און ווי די יידישע מאַסן האָב אים פאַרערט“.

אויף ג.׳ס קבר, אויפן וואַשינגטאָן סעמעטערי אין ניו-יאָרק, איז פאַראַן אַ מצבה, געשטעלט דורך ג.׳ס פאַמיליע.

באַלד נאָך ג.'ס טויט האָט משה לייב לילִיענבלום אין „דער פריינד" אַטאַקירט ג. פאַר זיין אָנפירן און געהערן צו דער „ביבלישער ברודערשאַפט". אויף דער אַטאַקע האָט געענטפערט נח פּרילוצקי אין „אונזער לעבען" [איבערגעדרוקט אין זיין בוך „יידיש טעאַטער" I, זז. 101-98].

דעם 30 דעצעמבער 1910 איז אין טאַליאַ-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס פּיעסע [וויזט אויס אַן איבערגעבליבענע] „די מומע פון וואַרשע", מעלאָדראַמאַ אין 4 אַקטען, מוזיק פון רומשינסקי.

די מעלאָדראַמע איז לאַנג ניט געשפּילט געוואָרן און איז קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

דער פאַרלאַג „דיא אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק" (אַרויסגעגעבן פון א. מ. יעוואַלענקאַ) האָט אָנגעהויבן אין 1908 אַרויסצוגעבן ג.'ס דערציילונגען. דערשינען איז אָבער נאָר 1 באַנד, וועלכער האָט אויסגעהאַלטן 3 אויפלאַגעס. אין בוך איז פאַראַן אַן הקדמה פון מחבר, געשריבן דעם 10 מאַי 1908.

אין 1910 האָט „די היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני" אין ניו-יאָרק אַרויסגעגעבן 4 בענדער פון „אַלע שריפטען פון יעקב גאָרדין", וועלכע אַנטהאַלטן אַ חוץ ג.'ס סקיצן און דערציילונגען, (אין דריטן באַנד) [זז. 170-167] : אַן אַרטיקל „איינִיגע קריטישע בעמערקונגען וועגן ה. ליבין און ה. קאָברין, (אין פערטן באַנד) : „די גרויסע וועלט דראַמע" און אַ גרויסע אָפּטיילונג : „דראַמאַ און דראַמאַטורגען".

אין 1911 האָט דער „סוירקעל פון יעקב גאָרדינ'ס פריינט" אָנגעהויבן אַרויסגעבן ג.'ס דראַמען, פאַר וועלכע עס איז שוין מיט אייניקע יאָר פריער אויפגענומען געוואָרן אַן אַבאָנענטן-אַקציע, וואָס האָט פיל געהאָלפן ג. אין זיינע לעצטע יאָרן. פון דער אויסגאַבע זיינען דערשינען 2 בענדער. אין ערשטן (מיט אַ בילד פון מחבר) גייען אַריין די דראַמען : „גאָט, מענטש און טייפעל", „אלישע בן אבויה", „דער מטורף", „סאַפאָ" [מיט אַן הקדמה פון דר. ה. זאָלאָטאַראָוו] און „אויף די בערג". אין צווייטן באַנד (מיט אַ בילד פון מחבר אין יאָר 1894) גייען אַריין די דראַמען : „מירעלע אפרת" [מיט אַ פאָרלאָג פון מ. ווינטשעווסקי], „קרייצער סאָנאַטאַ", „די אמתע קראַפט", „דער אונבאַקאַנטער" און „אָהן אַ היים". ביי יעדער פּיעסע (אין ביידע בענדער) איז אָנגעגעבן דאָס פּערסאָנאַל פון דער פּרעמיערע.

אין 1907 האָט „דער טאָג" אָפּגעדרוקט 8 איינאַקטערס פון ג. (מיט אַן ערקלערונגס-אַרטיקל פון זיין זון אלכסנדר), וועלכע זיינען שפּעטער דערשינען אין אַ סעפּעראַט אויסגאַבע „איינאַקטערס". אין דער הקדמה צו זיי ווערט אָנגעגעבן, אַז פון מאַנכע פון די איינאַקטערס האָט ג. צוריקגעלאָזן נאָר די ערשטע, ניט באַאַרבעטע מאַנוסקריפּטן, אָדער שלעכטע קאָפּיעס. י. ענטין האָט די איינאַקטערס קאָריגירט און איינעם פון זיי — „די וואָלטעטער פון דער איסט סייד" — האָט ער איבערזעצט אין יידיש פון רוסישן אָריגינאַל.

דעם 27 נאָוועמבער 1918 האָט טאָמאַשעווסקי אויפגעפירט אין זיין טעאַטער ג.'ס איבערגעבליבענע פּיעסע „ווילדע קאָזאַקן, אָדער יידן און היידאַמאַקן, מעלאָדראַמאַ, מאַלאָרוסישע מוזיק פון י. רומשינסקי".

די פּיעסע איז דורכגעפאַלן.

[דער סוזשעט פון דער פּיעסע איז אָנגעגעבן אין י. ענטינ'ס רעצענזיע (3 דעצ. 1918) אין „די וואַרהייט"].

לויט י. ענטין, האָט ג. איבערגעלאָזט אין מאַנוסקריפּט נאָך אַ פּיעסע : „די קינדער גייען", וועלכע איז נאָך קיינמאָל ניט אויפגעפירט געוואָרן. דוד פּינסקי שרייבט : „אַזוי מאַכט מען מיך אויפמערקזאַם פון טעאַטער-קרייזן, אַז אונטער דעם נאָמען „פּראָפ. יאַקאָבי פון לאָנדאָן" האָט ער [ג.] אויפגעשריבן אַ שטיק „די געהיימניסע פון לאָנדאָן" ווי איבערהויפּט דער פּסיידאָנים שטאַמט פון זיין נאָמען יעקב. צי דאָס איז אמת, גאַראַנטיר איך ניט."

וועגן ג. און זיין טעטיקייט איז פיל געשריבן געוואָרן אין צייט-שריפטן און מעמואַרן. אָבער ספּעציעלע אויסגאַבעס וועגן ג. זיינען פאַראַן בלויז צוויי:

אין נאָוועמבער 1901 איז אין ניו-יאָרק לכבוד זיין 10-יאָריקן ליטעראַרישן יובילֵיי דערשינען אַ „סאַווועניר", וועלכער אַנטהאַלט ביאָגראַפישע דאַטען, אַ העבראַאישע פּאָעמע לכבוד דעם יובילאַר פון יצחק נאַפּעלבאַום און אַרטיקלען פון דר. אב. קאַספּע, מ. ווינטשעווסקי, מ. קאַטץ, יואל ענטין, דר. ה. זאָלאָטאַראָוו און מ. לעאָנטיעף.

אין 1909 איז אין ניו-יאָרק דערשינען „אַ טאָג מיט יעקב גאָרדין — דורכגעלעבט און בעשריעבען פון מאָררים ווינטשעווסקי — פערלאַג מ. מייזעל" [112 ז. 16°].

אין דעם פאָרוואָרט צו דער בראָשורע שרייבט ווינטשעווסקי: „איך האָב באַשלאָסן אים צו באַשרייבן אַלס מענטש און אַלס דיכטער אויף אַזאַ'ן אופן, אַז מיין שריפט זאָל טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל : אמת, — אַזוי ווייט ווי איך בין דערצו פעאיק. דאָס צו עררייכן האָב איך געוועלט די פאָרמע, וועלכע דער לעזער האָט פאַר זיך, דאָס הייסט, באַשרייבנדיק אַלץ, וואָס איך האָב ווירקלעך אַליין דורכגעלעבט יענעם טאָג ווען יעדער שריט און יעדע טעטיגקייט האָט אין זיך געהאַט עטוואָס פון גאָרדינ'ס טרויעריקער געגענוואַרט און טאַטן-רייכער פאַרגאַנגענהייט".

די מיינונגען וועגן ג.'ס באַדייטונג פאַר דער יידישער דראַמע און טעאַטער, זיינען זייער געטיילט.

ווי אַזוי ג. אַליין האָט פאַרשטאַנען זיין אויפגאַבע, איז צו זען פון זיין אַרטיקל „וויאַ צו פערשטיין אַ דראַמאַ" : „. . . די דראַמאַטישע קונסט איז די מעכטיקסטע פון אַלע קונסטן און די העכסטע שטופּע פון אַלע פאָרמען [אין] דער ליטעראַטור, ווייל אין איר זיינען פאַראייניקט אַלע אָפּטיילונגען פון ליטעראַטור און קאָנצענטרירט אַלע אָפּטיילונגען פון דער קונסט. . . . איר דאַרפט ניט אייער איינבילדונגס-קראַפט זאָל אייך פאָרשטעלן דאָס, וואָס ווערט דערציילט, איר זעט דאָס לעבן אַליין. . . . וואָס איז אַ דראַמען-פאַרפאַסער? דאָס איז דער מענטש, וועלכער קאָן נוצן אַלע פאָרמען פון ליטעראַטור און וויסנשאַפט, אום צו ערציילן גרויסע אונד אינטערעסאַנטע עראייגניסע פונם מענטשענס-לעבן . . . קאָר און אָרקעסטער — דאָס איז די געטלעכע מוזיק, וועלכע קומט מיט אירע זיסע טענער צו הילפע, אויסצודריקן דעם מענטשענס סוביעקטיווע געפילע און צו ערוועקן די אינערלעכע געפילע פון דעם צושויער. דעקאָראַציאָנען — דאָס איז דעם מאַלערס קונסט מיט פאַרבן דאַרצושטעלן די נאַטור, מיט וועלכע דער מענטש איז פאַרבונדן . . . . . . די אויסשטאַטונג — העלפט אייך זען אויסגעמאָלטע היסטאָרישע בילדער. די קאָסטיומען, פּריזור און גרים — דאָס איז די קונסט פון איין פאָרטרעטיסט [צו] מאָלן ריכטיקע טיפּן פון לעבן מיט זייער קערפּערלעכן און גייסטיקן אויסזען. די פּאָזען און באַוועגונגען פונם שוישפּילער — דאָס איז סקולפּטור, די העכערע פאָרמען פון פּלאַסטיק . . . . . . אַ דראַמע דאַרף געבויט זיין אויף דער ריינער וואַרהייט, דאַרף אויסדריקן אַ געוויסע אידעע און דאַרף פאָרשטעלן רעאַלע טיפּן".

ער קלאָגט זיך דערפאַר אין אַ בריוו צו אַ פריינט (לויט קלמן מרמר):

„ווייסט איר וואָס דאָס הייסט שרייבן אַ דראַמע, אַז מען דאַרף, צי מען וויל, צי מען וויל ניט, צופּאַסן זיך צו די פעאיגקייטן און

קורצקייטן פֿון דעם סטאַר? ... ווייסט איר וואָס עס הייסט שרייבן אַ דראַמע פֿאַר אַן עולם פֿון וועלכן איינער וויל רעאַליזם, אַ צווייטער — ראָמאַנטיזם, אַ דריטער — גלאַט אַביסל בורלעסקן. יאָ, איך וועל נאָך שרייבן מיין מייסטער-ווערק, אָבער דאָס וועט זיין דאַן, ווען איך וועל ניט דאַרפֿן דענקן פֿון פֿאַרקויפֿן איר".

די באַציאונג פֿון יידישן עולם און זיינע קריטיקער צו אים, האָט ג. אויסגעדריקט אַלעגאָריש אין אַ פֿעליעטאָן [„יהודית" — די יידישע מאַסע, „איר טאָכטער" — די קונסט]: זי, יהודית, האָט אַ יונגעטשקע, שוואַכינקע, זייער קינדישע און נאָך ניט אַנטוויקעלטע טעכטערל. דאָס מיידל איז געוואַקסן אָן אויפֿזיכט, האָט זיך געוואַלגערט אויפֿן מיסט, האָט געטראָגן ציגיינערשע קליידער. איך האָב איר קינד אויפֿגעהויבן פֿון מיסט, אַראָפּגענומען פֿון איר די לומפּן און שמאַטעס, אָנגעטאָן אין קליידער ווי לייטישע קינדער טראָגן, האָב אָפּגעוואַשן איר שמוציקע מאָרדעלע און געוויזן דער וועלט איר חן און געראָטענקייט, האָב איר געשענקט פֿילע פּרעזענטן ... די פּרעזענטן זיינען אפֿשר ניט קיין סך ווערט, קיין בעסערע און קיין טייערערע אָבער האָט קיינער ניט געגעבן. אַנשטאָט דאַנקבאַרקייט הער איך אָפֿט מאָל פֿון דער מוטער באַליידיגונגען און קללות, און מיר אויף צו להכעיס דערלויבט זי אָפֿט מען זאָל איר קינד אָנציען צוריק די אַלטע לומפּן און די אַלטע שמאַטעס, זי בלייבט דאָך מיין געליבטע ... ... מיר (איך און יהודית) האָבן, דאַכט זיך, גאָרניט געמיינשאַפֿטלעכעס, פֿונדעסטוועגן זיינען מיר איין קערפּער און איין זעל. זי קימערט זיך, דאַכט זיך, ווייניק וועגן מיר און דאָך איז זי מיין געליבטע. איך ווייס: ווען איך וועל פֿאַלן, וועלן אירע, פֿאַר גראָשן געקויפֿטע, פּריינט טאַנצן אויף מיין קערפּער און זי וועט געוויס בלייבן גלייכגילטיק דערצו. איך זאָל שטאַרבן היינט, וועט זי מיך היינט נאָך פֿאַרגעסן ..."

ב. גאָרין דערציילט: „אַ קורצע צייט פֿאַר יעקב גאָרדינס טויט האָב איך מיט אים געשמועסט וועגן די יידישע טעאַטער-קריטיקער אין רוסלאַנד און ער האָט זיך אָנגערופֿן: „זיי האָבן דאָך דאָרטן מיינע ווערק גאָרניט געזען. דאָס וואָס זיי זעען, איז שוין אַזוי צוקאַלעטשעט, אַז איך ווייס ניט צי עס איז מיינע". און ווייטער שרייבט גאָרין: „איך גלויב ניט, אַז עס וואָלט געמאַכט אַ גרויסע נפֿקא מינה. דאָס ווייזט אָבער, אַז די שטערן האָבן זיך ערלויבט צו מאַכן מיט זיינע ווערק ווי זיי האָבן געוואָלט ...... ווען גאָרדין זאָל צוטרעטן צו דער בינע מיט אַ כּוונה צו רעפֿאָרמירן איר, וואָלט דערפֿון גאָרניט אַרויסגעקומען און ער וואָלט געפֿונען די טויערן פֿון דעם טעאַטער פֿאַרשלאָסן פֿאַר זיך ... די כּוונה פֿון רעפֿאָרם האָט געדאַרפֿט זיין זייער ווייט פֿון אים, ווען ער האָט זיין בליק געווענדעט צו דער בינע. אַלס שרייבער האָט ער אין דעם טעאַטער געפֿונען די איינציקע פּאַסענדע באַשעפֿטיגונג, וואָס האָט אים איצט געקאָנט צופֿרידנשטעלן. דידאָזיקע באַשעפֿטיגונג האָט ניט נאָר צופֿרידנגעשטעלט זיין גייסט, נאָר האָט אויך געדאַרפֿט פֿאַרטרייבן די נויט פֿון זיין הויז. ... די רעפֿאָרם איז געקומען דערפֿון וואָס יעקב גאָרדין איז געשטאַנען מיט צוואַנציק קעפּ העכער פֿון אַלע יענע, וואָס האָבן ביז אים געשאַפֿן די דראַמע אין אַמעריקע, סיי אין טאַלאַנט, סיי אין בילדונג, סיי אין וועלטאַנשויאונג, סיי אין מענטשן-קענטשאַפֿט, סיי אין ווילנס-קראַפֿט און דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין זיינע פּיעסען און דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דער בינע.

„זיינע ערשטע דראַמען האָבן גאָר אַ קנאַפּן ליטעראַרישן און דראַמאַטישן ווערט. ער שרייבט מיט געדיכטע פֿאַרבן. די כאַראַקטערן זיינען נאָר אָנגעדייטעט און זיי זיינען גיכער שאָטנס ווי לעבעדיקע מענטשן און אינגאַנצן זיינען זיי טאַנדעטנע אַרבעט. ... נאָר ווי ניט-ליטעראַריש די ערשטע שטיקער זיינע זיינען געווען, האָבן זיי דייטלעך און קלאָר געוויזן אַ נייע שטרעבונג אויף דער בינע. ... צו געווינען אַ דריסת הרגל אין יידישן טעאַטער איז ניט געווען גענוג צו קומען מיט נייע אידעען און מיט מער אייראָפּעאישע פֿאָרמען. די ערשטע און וויכטיקסטע זאַך, וואָס האָט זיך געפֿאָדערט, איז געווען די קראַפֿט צו רירן די הערצער פֿון די טעאַטער-באַזוכער און די דאָזיקע קראַפֿט האָט גאָרדין פֿאַרמאָגט. ... גאָרדינס אויפֿטו איז געווען צו געבן דעם קאָמיזם אַ לייטישערן פּנים און געפֿינען אַ היתּר פֿאַר געזאַנג איז דעריבער געווען אַ וויכטיקע רעפֿאָרם אויף דער בינע. דאָס האָט פֿון איין זייט געהאָלפֿן פֿאַרטרייבן פּאַיאַצעריי פֿון דער בינע, ווייל צו די קאָמישע טיפּן אין גאָרדינס פּיעסן האָט זיך שוין געפֿאָדערט אַ כאַראַקטער-שוישפּילער, און פֿון דער צווייטער זייט האָבן זיך די אַקטיאָרן און דאָס פּובליקום ביסלעכווייז אָנגעהויבן דורכצודרינגען מיט אַ נייעם געדאַנק, אַז די בינע איז ניט הפֿקר, און מען קאָן ניט, דיר — ניט, מיר — ניט, סתּם אַרויסקומען אויף דער בינע און זאָגן אָדער טאָן אָדער זינגען ווען די האַנדלונג פֿאָדערט עס ניט. ... די דאָזיקע רעפֿאָרם האָט אָנגערירט דאָס סאַמע האַרץ פֿון דער בינע און האָט ביסלעכווייז געפֿירט צו דעם גרויסן איבערקערעניש, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אין יידישן טעאַטער. ... אין גאָרדינס שטיקער האָבן די אַקטיאָרן דערזען מענטשלעכע ראָלן און די געלעגנהייט אַרויסצוברענגען אַ מענטשלעכע געשטאַלט אויף דער בינע. דער בעסערער אַקטיאָר האָט זיך דאָ געקאָנט פֿלייסן אַריינצוברענגען אין די געשטאַלטן אַזוי פֿיל לעבן ווי זיין מענטשן-קענטשאַפֿט און טאַלאַנט האָט ערלויבט און דאָ האָט זיך געעפֿנט אַ ברייטע פֿעלד פֿאַרן שוישפּילער צו ווייזן וואָס ער קאָן שאַפֿן. ... דערצו האָט זיך ביי דידאָזיקע פּיעסן באַוויזן דער אינטעליגענטער טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג און די אָפּשאַצונג פֿון דעם אַקטיאָר איז געקומען גלייך. .. גאָרדין זוכט אומעטום דעם אידעאַל און ער וויל זען אַ נייע, בעסערע אָרדנונג, וואו עס זאָל ניט נאָר הערשן דער קאַלטער פֿאַרנונפֿט, נאָר אויך אַ וואַרעמע האַרץ. ער הייבט זיך זעלטן אויף צו דער רואיקער באַטראַכטונג פֿון דעם פֿילאָזאָף און מערסטנס בלייבט ער שטיין אויף דער מדרגה פֿון דעם קעמפֿער. ער באַקעמפֿט דאָס שלעכטע, דאָס נידריקע, דאָס פֿאַרדאָרבענע אומעטום וואו ער באַגעגנט עס און ער שאַנעוועט ניט קיינעם. פֿאַר אים איז ניט גענוג צו שרייבן אַ פּיעסע, וואָס זאָל דעם עולם אַמוזירן. ער דאַרף אויך, אַז דער עולם זאָל האָבן וועגן וואָס צו דענקען, ווען ער גייט אַרויס פֿון טעאַטער. ... אין זיינע פּיעסען, סיי אין די ערשטע און סיי אין די לעצטע, סיי אין ערגערע און סיי אין די בעסערע, איז דער טאָן ערגעץ ניט אויסגעהאַלטן. ... דער געמיש פֿון דעם קאָמישן עלעמענט מיטן דראַמאַטישן שלאָגט צום האַרצן דעם בעסערן צושויער. דער קאָמיקער צעשטערט אָפֿט אַ שטאַרקן דראַמאַטישן איינדרוק. דערצו האָבן כמעט אַלע פּערזאָנען אַזעלכע פֿילאָזאָפֿישע ווערטלעך אָדער אַפֿאָריזמען, וואָס גייט זיי בשום אופֿן צום פּנים ניט. גאָרדין לייגט אָפֿט אָן אַ לאַנגן וועג, כּדי צו קאָנען אַרויספֿאָרן מיט אַ קלוג ווערטל און ער וואַרפֿט מיט אַפֿאָריזמען ביי יעדער געלעגנהייט. די ווערטלעך זיינען ביי אים איינער פֿון די יסודות פֿון דער דראַמע און אָן זיי גייט ער זיך ניט קיין ריר. און דער איינדרוק איז אַזוי ווי גאָרדין שטייט הינטער דער פּלייצע פֿון זיינע העלדן און זאָגט זיי אונטער זיינע אַפֿאָריזמען. די אַקטיאָרן און דער דורכשניטלעכער טעאַטער-באַזוכער האָבן גרויסע התפּעלות געכאַפּט פֿון די קלוגע ווערטלעך

און אַזוי ווי גאָרדין האָט געשאַפן דעם מוסטער פון דער בעסערער דראַמע אין אַמעריקע, איז אַ צייט לאַנג אָנגענומען געוואָרן, אַז אַפּאָריזמען זיינען אַ פונדאַמענטאַלע נויטווענדיגקייט פון דער בעסערער דראַמע.

„זיין טעכניק איז אויך אַ פאַרעלטערטע. זיינע דראַמען זיינען פול מיט באַמערקונגען „אַפּאַרט“, „ביי זייט“. זיינע העלדן בלייבן אָפט אַליין אויף דער בינע און האַלטן פאַר די פיר ווענט לאַנגע מאָנאָלאָגן און דאָס מאַכט אַ שווערן איינדרוק אויף אַ מאָדערנעם טעאַטער-באַזוכער“ . . .

אָבער:

„ . . . די גרעסטע און וויכטיקסטע פאַרדינסט פון יעקב גאָרדין באַשטייט דערין, וואָס ער האָט פאַרוואַנדלט אַ באַלאַגאַן ווי ער האָט דעם טעאַטער געטראָפן אין אַמעריקע — אין אַ טעמפּל פון קונסט, און קינצלער — אין גרויסע קינסטלער. און דערוויזן האָט ער עס דערמיט, וואָס ער האָט קיין מאָל ניט פאַרגעסן, אַז ער שרייבט פאַר אַ טעאַטער מיט אַ לעבעדיקן פּובליקום. און שרייבנדיק פאַר אַ טעאַטער מיט אַ לעבעדיקן פּובליקום, האָט ער תמיד געשטרעבט צו שאַפן אַלץ בעסערעס און העכערעס“.

ענלעכס זאָגט אויך אַרויס קלמן מרמר: „און אָט דעם וואולגאַרן אתה-בחרתנושן און שונדיסטישן טעאַטער האָט יעקב גאָרדין אַריינגעבראַכט אַ נייעם גייסט. ער האָט אַרויפגעפירט אויף דער בינע לעבעדיקע מענטשן און האָט באַהאַנדלט מאָדערנע פּראָבלעמען. אַלס קולטור-טרעגער, וואָס האָט געקענט פאַר זיך אַ רויע אימיגראַנטישע מאַסע, האָט יעקב גאָרדין זיך געשטעלט צו פיל און צו שווערע אויפגאַבן. ער האָט געוואָלט גלייכצייטיק רעפאָרמירן דאָס טעאַטער און די טעאַטער-באַזוכער. ער האָט אויסגענוצט דאָס טעאַטער פאַר אַ בימה, פון וואַנען אויפצוקלערן די מאַסען און צו פּראָפּאַגאַנדירן נייע אידעען. דערביי האָט גאָרדין אויך געהאַט אין זינען אויסצובילדן די שוישפּילער, זיי אויסצולערנען ריידן אַ פאַרשטענדלעכע, מענטשלעכע שפּראַך אנשטאָט זייער עמהאַרצישן דייטשמערישן קוידער-וועלט. לויט אונזער היינטיקן באַגריף איז גאָרדינס לשון זייער אָרעם. נאָר אינם פאַרגלייך מיט דער שפּראַך, וואָס די מערסטע יידישע שרייבער אין אַמעריקע האָבן דאַמאָלט באַנוצט, איז גאָרדין אויך אויף דעם געביט אַ רעפאָרמאַטאָר. . . . יעקב גאָרדינס איינפלוס אויף זיין דור זיינען [איז] ווייט אַריבער די גרעניצן פון טעאַטער . . . . . יעקב גאָרדין איז געווען איינער פון יענע באַגנאַדיקטע יחידים, וועלכע שטייען אָן אַ שיער העכער ווי זייערע ווערק. ער איז געווען דער עיקר אַ גרויסע פערזענלעכקייט מיט אַ האַרץ פול מיט ליבע“.

„דוד פּינסקי אין זיין בוך „דאָס אידישע דראַמע“ כאַראַקטעריזירט ג.׳ס שאַפן אַזוי: „ . . . ער [ג.] נעמט אויף גאָלדפאַדענס פּלאַן און רעצעפּט און הויבט אָן צו בויען פּיעסען אויף דער געמישעכץ פון ערנסטע געדאַנקען, פּאַיאַצסטווא און נגינה. אין דער הינזיכט פאַרבעסערט ער גאָרניט . . . אָבער אין די אַלע אַנדערע, וועלכע איך האָב דאָ פאַר מיינע אויגן — און זיי זיינען אַ זייער גרויסער און אויך דער וויכטיקסטער טייל פון זיין שאַפן — שטייט ער שוין ריין-אינהאַלטלעך טורעם-הויך איבער גאָלדפאַדענען און די אַנדערע. ער האָט אונז וואָס צו דערציילן. די מעשה אַליין, אָפּגעזען ווי זי איז באַהאַנדלט געוואָרן, איז שוין אינטערעסאַנט. . . . גאָרדין גייט אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט פון ערפאָלג אויף דער יידישער בינע, נעמט אויף גאָלדפאַדענס פּלאַן און בויט זיינע פּיעסען אויף די אונטערהאַלטונגס-יסודות פון דעם יידישן לעבן. אָבער אין דער אייגענער צייט פירט ער אַרויף דעם „מענטש“ אויף דער יידישער בינע. ער ברענגט אַריין אין

דאָס [דער] יידישע דראַמע דעם עיקר הדבר פון דער קונסט. כמעט אין יעדן ערשטן אַקט פון זיינע דראַמעס ווערן מיר באַקאַנט מיט לעבעדיקע מענטשן, אָפּגעפאָטאָגראַפירטע פון דערווירקלעכקייט, מיט לעבנס-פולע אינדיווידואַליסטן, מיט פון לעבן אָפּגעקאָפּירטע טיפּן. . . . אָבער זיין קונסט איז נאָר האַלבע קונסט. ע ר ק אָ ן אַ ר ו י ס פ י ר ן מ ע נ ט ש ן , ע ר ק אָ ן ז י י אָ ב ע ר נ י ט ד ו ר כ פ י ר ן . ער קאָן אָנפּאַקן לעבעדיקע מענטשן און אַוועקשטעלן זיי פאַר אונז אין זייער לעבעדיקייט. אָבער אין דעם גאַנג פון זיין ווערק קאָן ער ניט אַנטפּלעקן פאַר אונז אַלע זייערע אייגנטימלעכקייטן, ער קאָן ניט אויפדעקן פאַר אונז אַלע טיפעניש פון זייער נשמה. . . . צו דער באַשרענקטהייט פון זיין קינסטלערישן קאָנען קומט צו נאָך עפּעס, וואָס פּאַראַליזירט נאָך זיינע כחות. . . שטודירנדיק זיינע פּיעסען אין בוך און אויף דער סצענע, זעען מיר באַלד איין, אַז ער שרייבט איבערהויפּט קיין פּיעסען ניט, נאָר ראָלען, עס איז, ווי ער וואָלט געוואָלט דער עיקר צופרידן שטעלן די אַקטיאָרן. גאָרדין שרייבט וואָס די אַקטיאָרן ווילן שפּילן. געוויינטלעך שרייבט ער זיינע פּיעסען פאַר געוויסע „סטאַרס“ און דער אינהאַלט דרייט זיך דער עיקר אַרום איין פּערזאָן. . . . גאָרדין שטרענגט אָן זיין איינבילדונגס-קראַפט ניט אויף צו אַנטוויקלען זיין טעמע קונסטמעסיק, נאָר אויף צו אַנטוויקלען אַ געוויסע ראָלע בינענמעסיק. דערפאַר פאַרפעלשט ער אָפט די כאַראַקטערן, ווייל ער גייט ניט אין די [דער] טיפעניש פון דער נשמה פון זיינע מענטשן, נאָר נאָך די באַזונדערהייטן פון זיינע אַקטיאָרן.“

בעת דר. א. מוקדוני דערציילט, אַז „פּרץ האָט ממש פיזיש ניט געקאָנט אַריבערטראָגן גאָרדינען און האָט אָפּגעלייקנט אינגאַנצן זיינע פאַרדינסטן ביים טעאַטער“, געפינען מיר ביי י. ל. פּרץ גופא אַזאַ שטעלע: „ . . . גאָרדין שטייט אויף די [דער] גרענעץ צווישן „שונד“ און קונסט; נ ע נ ט ע ר צו קונסט, אָבער אינגאַנצן פון מעלאָדראַמאַטישע סצענעס קאָן ער ניט אָפּלאָזן. ער האָט אַמאָל אַ ריח פון שעקספּיר (די ערשטע צוויי אַקטן פון „מירעלע אפרת“), ער שמעקט אויך אַמאָל מיט אַ העכערער ראָמאַנטישער ליריק (דער ליבעס-אַקט אין „כאַסיע די יתומה“). אים פעלט אָבער די מאָס און [ער] ווייסט קיינמאָל ניט וואו און ווען צו ענדיקן. גאַנץ אָפט האָט מען דעם איינדרוק, אַז עס האָט שטאָף פאַרפעלט פאַר אַ גאַנצן אָוונט און ער מאַכט צו די רעשט מיט „שבת-שטעך“.“

שאַרפער איז אין זיין קריטיק דוד פרישמאַן: „דער אופן פון זיין אַרבעטן איז אַזוי: ענטוועדער נעמט ער עפּעס אַ באַקאַנטע וועלט-דראַמע, אַ פויסט, אַ ליר, אַ האַמלעט, און ציט זי אַראָפּ אין ענגע, נאַרישע יידישע פאַרהעלטנישע, און עס ווערט ביי אים אַ מעשה מיט אַ טליתים-ייד אָדער מיט אַ שטאָט-גביר אָדער מיט אַ ישיבה-בחור, און ער פילט דערביי ניט, אַז ביי אַ פויסט- אָדער ביי אַ האַמלעט-טעמע איז ניט די מעשה דער עיקר, נאָר דער גרויסער גוואַלדיקער „צוג“, וועלכער האָט, נאַטור-געמעס ביי זיינע ענגע מעשהלעך, גאָר קיין אָרט ניט. . . . הער גאָרדין איז צימלעך געשיקט און פאַרשטייט צימלעך די סצענע-מאַכעריי און ווייס זיך צו באַנוצן מיט עפעקטן, וועלכע נעמען געוויינטלעך דעם געוויינלעכן עולם, ענטוועדער קומט פּלוצלונג אַ מאָנאָלאָג מיט שאַרפע עברי, צונויפגעקליבענע פראַזען פון טויזנט ביכער קעגן די רייכע אָדער קעגן די [דער] אונטערדריקונג, אָדער וועגן די [דער] פרייהייט וכדומה, אָדער עס קומט פאָר אויף דער בינע אַ מעשה נורא, וואָס האָר און נעגל שטעלן זיך קאַפּויר, און דאָס פּובליקום איז גענומען. . . . יעקב גאָרדין איז אָבער ניט קיין דיכטער. ביי

אים קומט עס אַרויס אַ מעשה אַ שטייפֿע, מיט מאָנאָלאָגן און מיט עפֿעקטן און אַמאָל מיט גאַנץ אינטערעסאַנטע שאַרפֿע ביכער-פֿראַזען.״

ענלעך אויך דר. א. מוקדוני: „גאָרדין האָט ניט אויפֿגעהויבן דעם יידישן שוישפּילער און טעאַטער-באַזוכער. ער האָט אים ניט באַוויזן די בלענדענדע שיינקייט, פֿאַרפֿירנדן רייץ: פֿאַרקערט, ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צו זיי און געמאַכט דאָס, וואָס זיי האָבן פֿאַרלאַנגט. אין זיינע אָריגינעלע דראַמען בלייבט גאָרדין געטריי זיך. עס הערשט דאָרט אַ קרעמערשע אויפֿפֿאַסונג פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿט, פֿון מענטשן און ליידנשאַפֿטן. דער „מענטש״ איז אַזוי קלאָר, אַזוי פֿאַרשטענדלעך ביי גאָרדינען, ער איז אַלע מאָל אַזוי „קאָנסעקווענט״, אַזוי לאָגיש, אַז מען קאָן אין ערשטן אַקט פֿאָראויסזאָגן וואָס פֿאַר אַ סוף ער וועט האָבן. די ליידנשאַפֿטן, די ליידן, די שמחה באַגלייטן גאָרדינס „מענטשן״ ווי די וואַגאָנעס דעם לאָקאָמאָטיוו. . . . און דער גאַנצער תּכלית פֿון זיין [דעם „מענטשנס״] קומען אויף דער וועלט איז נאָר זאָגן זיין „ווערטל״. דאָס „ווערטל״ אין גאָרדינס דראַמען איז די הויפּט זאַך, דאָס איז די כאַראַקטעריסטיק, אין אים ליגט די נשמה פֿון מענטשן. . . . דער מענטש אַליין איז קיין פּראָבלעם ניט. קיין אַנדערע פּראָבלעמען — סאָציאַלע, עטישע, סעקסועלע זיינען גאָרניט בנמצא; עס איז אַ וועלטל פֿון שידוכים, פֿון פֿאַמיליע-לעבן. . . . 70 דראַמען האָט גאָרדין געשריבן און אין זיי אַלע זיינען נאָר פֿאַראַן אַ האַלב צענדליק מענטשן, אַ פּאָר בעלי-בתים, אַ רב, אַ רביצין, אַ פּאָר פֿאַרשימלטע מלמדים, אַ פּאָר שוסטער און שניידער דרייען זיך אַרום אויף דער יידישער בינע פֿלאַך און טעמפּ. . . . גאָרדין האָט אַלץ פֿאַרפֿלאַכט און האָט אויך פֿאַרפֿלאַכט די יידישע פֿאַמיליע, די פֿאַמיליע וואָס שאַפֿט דאָס מאָדערנע יידישע לעבן״.

גאַנץ אַנדערש שאַצט אָפּ ג.׳ס טעטיקייט יואל ענטין: „די יידישע בינע האָט אין גאָרדינען געפֿונען איר רעפֿאָרמאַטאָר, איר נאָוואַטאָר, איר דערלייזער; גאָרדין האָט אויף דער יידישער בינע געפֿונען זיין גליקלעכסטן באַרוף. אַלס רוסישער שריפֿטשטעלער און טעאַטער-רעצענזענט איז די לאָגישסטע זאַך פֿאַר גאָרדינען געווען צו גיין אין די טראַדיציעס פֿון דער בעסטער רוסישער דראַמע און קריטיק. אַלס דרום-רוסישער איז אויך געווען נאַטירלעך, אַז עס זאָל זיך אין זיינע פּיעסען אויך הערן אַן אָפּקלאַנג פֿון דער היבשלעך אָנגעזעענער קליין-רוסישער בינע. . . . דער מוסטער אין גאָרדינס ערשטע שאַפֿונגס-יאָרן אויף דער יידישער בינע איז געווען דער וויכטיקסטער רוסישער דראַמען-דיכטער, אָסטראָווסקי, און האָט ער אין זיינע פּיעסען געזוכט עפֿעקטן, באַצירונגען, האָט ער זיך ניט זעלטן געווענדעט צו די קליין-רוסישע פֿאָלקסשטיק. . . . אין אַמעריקע האָט גאָרדין שטאַרק אָפּגעפֿרישט זיין באַקאַנטשאַפֿט מיט די דייטשע קלאַסיקער פֿון אַלע געביטן, זיך באַקענט מיט די נייע דייטשע דראַמאַטורגן, מיט די סקאַנדינאַווישע און די פֿראַנצויזיש-בעלגישע. און פֿון גאָרדינס אַלץ רייכער ווערנדיקן וויסן און געניסן, האָט אויך גענאָסן די יידישע בינע. . . . דאָס סאַמע וויכטיקסטע אָבער איז, וואָס ביז גאָרדינען האָט אונזער טעאַטער געפֿעלט דער סאַמע תּוך פֿון דראַמע: עס זיינען געווען דיאַלאָגן, אָדער קוים סצענעס און גאַנץ בפירוש זיינען ניט געווען קיין גלאַטיק-ליידנשאַפֿטלעך-קעמפֿנדיק-צינדענדיקע סצענעס, וואָס זאָלן פֿאַרבינדן דעם נאָמען: דראַמאַטישע סיטואַציע. און עס זיינען ניט געווען אַזעלכע פֿיגורן, וואָס זאָלן זיין אַזוי פֿאַרביק-בולט, אַז זיי זאָלן פֿאַרדינען דעם נאָמען טיפּן אָדער געשטאַלטן, אַזוי איידל געמאָלן, אַז מען זאָל זיי קאָנען אָנרופֿן כאַראַקטערן. און עס איז ניט געווען קיין באַלייכטונג פֿון די פֿאַרשוינען, — דאָס הייסט, עס איז געווען אַ דראַמע אָן פּסיכאָלאָגיע, מענטשן, מענטשלעך לעבן אָן נשמה. עס איז אויך ניט געווען יענע זינגענדיקע שפּילעוודיגקייט אין די סצענעס, וואָס קומט פֿון אַ פּאָעטיש-נביאיש אויג, וואָס זעט פֿאָראויס ווי אַזוי יעדער ריר, יעדע באַוועגונג, יעדער פֿאַרבן-פֿלעק וועט זיך אויסשפּילן אויף דער בינע — עס איז ניט געווען קיין *דראַמאַטישע וויזיע*. . . . אַ לאַנג-לאַנגע טיפּן-גאַלערעע האָט אונז גאָרדין געגעבן. געזונטע, פֿאַרביקע, סקולפּטורנע בולטע כלל-פֿיגורן, פֿאָרשטייער פֿון גאַנצע סאָרטן און קלאַסן. . . . אַ לאַנגע גאַלערעע: פֿאַרשיידענע ניואַנסן פֿון פּראָסטן חי וקים, דעם ערד-מענטשן, פֿונם הויזלעכן דעספּאָט, פֿון דער פֿאָלקס-פֿרוי, פֿון דעם סוחרישן מענטשן, פֿון דעם אינטעליגענט, פֿון דער יונגער יידישער פֿרוי, פֿונם גרויס-שטאָטישן הפקר-מענטשל. און גאָרדינס דיאַלאָג האָט דעם צאַפּלדיק-וועבערירנדיקן, ליידנשאַפֿטלעך-דראַמאַטישן ריטם און זיינע סיטואַציעס גליען מיט שטרייט, פֿלאַקערן מיט ליידנשאַפֿט, צינדן, רייסן מיט אמת דראַמאַטישן אימפּעט און גאָרדינס טיפּן און כאַראַקטערן לעבן אַן אינווייניקסטן לעבן און זייערע נאַטורן וואַקסן און ברייטן זיך כסדר גייסטיק אויס און זייערע האַנדלונגען ווערן געפֿירט פֿון גייסטיקע מאָטיוון, אָט ווי מוסקולן ווערן באַוועגט פֿון נערוון. . . . יעקב גאָרדין איז נאָך אַלץ אונזער בעסטער, גרעסטער דראַמאַטורג. ער האָט געהאַט באַדייטנדיקע *ליטעראַרישע* פֿעלערן, ער איז אָבער געווען אַ גאָט-געבענטשטער דראַמאַטורג. ער איז געווען אַ מייסטער פֿון דער טיפֿער בינע-טעכניק; ער האָט גוט באַנומען און קרעפֿטיק רעאַליזירט דעם תּוך פֿון דראַמע. . . . גאָרדין האָט פֿאַרשטאַנען, ער האָט דערכאַפּט דעם גרויסן סוד פֿון *סיטואַציע*, וואָס איז די „אינווייניקסטע נשמה״ פֿון דראַמע. . . . דאָס האָט אים פֿאַרן דראַמאַטורג געמאַכט, דאָס האָט אים אויך זיין ערפֿאָלג, דאָס הייסט, דעם עולם געבראַכט. . . . ער האָט געהאַט אַ דראַמאַטישע וויזיע . . . . . . ער האָט דער יידישער בינע געגעבן דאָס געזונט-רעאַליסטישע לעבענסבילד. געגעבן דעם טעאַטער אַ געזונט-פֿרישן הומאָר. . . . אַרויפֿגעבראַכט אידעען און פּראָבלעמען. . . ערשט גאָרדין האָט פֿאַנאַנדערוויקלט אַדלערס גראַנדיעזיטעט, אַרויסגעבראַכט די טיפֿקייט פֿון קעסלערס טעמפּעראַמענט, די וואָרהייטלעכקייט פֿון פֿרוי אַדלער, אויסגעאיידלט מאָגולעסקאָ, ראָמאַנטיש באַשיינט די פֿרוי קאַליש און די פֿרוי ליפּצין און לסוף שפּאָגל-ניי באַשאַפֿן די טאָרנבערגס, די מאָשקאָוויצעס, די בלאַנקס״.

אַן ענלעכע שטעלונג צו ג.׳ס טעטיקייט נעמט נח פּרילוצקי אין זיין בוך „יידיש טעאַטער״: „. . . *יעקב גאָרדין האָט באַשאַפֿן די יידישע דראַמע*. ער האָט דער ערשטער אַרויפֿגעפֿירט אויף דער יידישער סצענע דאָס ווירקלעכע לעבן אין זיינע טיפּישע פֿאָרמען, לעבעדיקע מענטשן מיט זייער ריכטיקער פּסיכאָלאָגיע, דראַמאַטישע מאָמענטן אין זייער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג און ערנסטער סצעניזאַציע. דאָס טעאַטער איז געווען ביי אים מער ווי אַן אָרט פֿאַר פֿאַרווײַלונג. . . . יעקב גאָרדין איז דער גייסטיקער טאַטע פֿון יידישן *דראַמאַטישן אַרטיסט*. . . . יעקב גאָרדין איז דער גייסטיקער טאַטע פֿון אונזער *אינטעליגענטיש טעאַטער-פּובליקום*. . . . גאָרדין האָט זייער אַ סך געשריבן — האָט ער אויך ניט ווייניק שוואַכע זאַכן, אָבער *אפֿילו זיי* זיינען סצעניש. . . . תּמיד איז ביי אים די בינע אין באַוועגונג, תּמיד איז זי פֿול, ניטאָ קיין לאַנגע הפסקות, וועלכע קומען פֿון ניט קאָנען קאָנצענטרירן די האַנדלונג. און די באַוועגונג איז ניט קיין געקינצלטע

ווי ביי אַלע פאַרגענגער גאָרדיןס. . . . גאָרדין מעג אַנוואַרפן עטלעכע אינטריגעס און צענדליקער פּערזאָנען, דאָס געוועב פון שטיק וועט שטענדיק זיין ריין, דייטלעך. . . . קיין פּלאָנטער, קיין מישמאַש, קיין תוהו ובוהו איז פאָרט ניטאָ. . . . גאָרדיןס פּיעסען זיינען כמעט אַלע — טעאַטער-שטיקער אין פולסטן זין פון וואָרט און אין דעם שטעקט טאַקע דער סוד פון זיין קאָלאָסאַלן ערפאָלג, אי אין אַמעריקע אי אין רוסלאַנד. . . . דער גרעסטער פאַרדינסט גאָרדיןס פאַר דער יידישער סצענע באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט דער ערשטער אַרויפגעפירט אויף אירע ברעטער ערנסטע ליטעראַטור . . . . . נאָך שלום עליכמן איז גאָרדין דער איינציקער יידישער שריפטשטעלער, וואָס האָט פאַראייביקט אין דער ליטעראַטור אונזער בורזשואַזישע ספערן פון די אַכציקער און ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. . . . איז געווען ביי אונז דער ערשטער, וואָס האָט אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער פרוי.

„. . . כדי צו פאַרשטיין גאָרדינען דעם פּיעסען-שרייבער און טעאַטער-טוער דאַרף מען פעסט געדענקען, אַז גאָרדין איז געווען און געבליבן אַ סאָציאַלער אַגיטאַטאָר און מאָראַליסט. אין טעאַטער האָט ער געזען אַ סאָציאַלע שול אויף צו דערציען די געזעלשאַפט און האָט די בינע-ברעטער געוואָלט אויסנוצן פאַר דער פאַרשפרייטונג פון זיינע אידעען. . . . ניט קוקנדיק דערויף איז זיין מער ווי ניט-מיטלמעסיקער ליטעראַרישער טאַלאַנט געקומען צום אויסדרוק אין אַ סך פון זיינע ווערק, וועלכע זיינען נאַטירלעך אויך ניט פריי פון פעלערן אויף אַזויפיל אויף וויפיל גאָרדין האָט געהאַט אין אויג דער עיקרשט דעם טעאַטראַלישן מאָמענט און האָט געשריבן זיינע פּיעסן ניט צום לייענען, נאָר צום שפּילן. . .

„. . . צוויי סבות האָבן אים געשטופּט צו זיין אַזוי אויסערגעוויינלעך פּרוכטבאַר. ראשית האָט ער געלעבט פון דער פּען. . . . אויסער דאגת פּרנסה איז אָבער געווען נאָך אַ מאָטיוו, אַ העכערער, אַ הייליקער, וואָס האָט געגעבן דעם מחבר פון „מירעלע אפרת“ כח און מוט, אַזאַ לאַנגע צייט צו טראָגן דעם יאָך פון קנעכטשאַפט ביי די עם-ארצישע שפּעקולאַנטן: דאָס באַוואוסטזיין פון דער היסטאָרישער מיסיע. . . . איין שטאַרקער מענטש האָט אַראָפּגעטריבן פון דעם פעלד די טשאַטשע שאַקאַלן וואָס לעבן פון דעם המון גראָבן געשמאַק און נידריקע אינסטינקטן. . . . און דער פאַנאַטיקער, וואָס איז פעאיק געווען 5 יאָר צו גראָבן ערד אין אַ דאָרף, האָט זיך אַליין געצוואונגען 18 יאָר צו זיין כמעט אַליינהערשער אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע . . .

„. . . דאָס יידישע טעאַטער האָט ניט געקאַנט איבערגיין פון גאָלדפאַדען דירעקט, לאָמיר זאָגן, צו איבסען. ניט די אַקטיאָרן, ניט דאָס פּובליקום זיינען געווען צייטיק דערצו. פאַר דער עוואָלוציע פון אונזער בינע האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ דראַמאַטורג, וואָס זאָל זיין פון איין זייט ליטעראַט, און פון דער אַנדערער — פאָלקסשרייבער און דאָס איז טאַקע געווען יעקב גאָרדין.“

וועגן ג.׳ס שפּראַך שרייבט מ. ווינטשעווסקי: „אויף דער בינע האָט מען גערעדט „טייטש“ — ניט אין קיין יידישער הויז גערעדט — אָבער די „טייטשן“ זיינען געווען אַ מישמאַש צווישן דעם דיאַלעקט פון גאָרדין, פון זיין היים, און פון גאָלדפאַדען און לאַטיינער פון זייער היים. קעגן דערדאָזיקער „טייטש“ האָט גאָרדין פון ערשטן טאָג גענומען פירן אַ קאַמף, אָבער דעם דרום-רוסישן אַקצענט פונם טעאַטער און זיין קאָנפליקט מיט דעם ליטווישן יידיש פון דער פּרעסע האָט ער ניט געקאַנט בייקומען

פאַר אַ לאַנגע צייט, אין מאַנכע פּרטים ביזן טויט. דאָס אַליין וואָלט גענוג זיין צו דערקלערן דעם פאַקט, וואָס זיין שפּראַך איז ערטערווייז ניט גלאַט. . . . דער עיקר איז, אַז ער האָט אייגנטלעך ערשט אין די לעצטע יאָרן אָנגעפאַנגען צו שרייבן פאַר די [דער] יידישע[ר] ליטעראַטור אַזוי גוט ווי פאַר די [דער] בינע. נאָך מער, ער האָט ערשט אין די לעצטע יאָרן אָנגעפאַנגען צו האָבן אַ ביסעלע — יאָ, אַביסעלע, ניט צו פיל — אמונה אין די [דער] יידישע[ר] שפּראַך און איר ליטעראַטורס צוקונפט. ניט גלויבנדיק דאַרין איז אים וואַרשיינלעך אין די ערשטע יאָרן פאַרגעקומען קאָמיש, אַז עמיצער זאָל נעמען יידיש ערנסט און זאָל, ניט לאַכנדיק פון זיך אַליין, ריידן פון אַ יידישע[ר] גראַמאַטיק. דערפאַר איז פאַר אים נאָר וויכטיק געווען, אַז זעליג-איציק דער כלי-זמר און נחומצע חנה דבורהס דער מלמד און הערשעלע דובראָוונער דער סופר סתם און שליאָמע הוץ דער שניידער און מלך שטעמפּעל און חאַלדעק דער פידלער און אַלע אַנדערע טיפּישע פּערזאָנען זאָלן ריידן אַ לשון, וואָס פּאַסט פאַר יעדן פון זיי, אָבער צי דער יידישער סוחר, דער דאָקטאָר, דער לערער, דער אַפּטייקער, דער מוזיקער און אַנדערע אַזעלכע האַלבע און גאַנצע יידישע אינטעליגענטן ריידן דעם נוסח ווילנע אָדער ווי מען רעדט ביי אים אין יעליסאַוועטגראַד, איז פאַר אים געווען אַ גאַנץ גלייכגילטיקע זאַך...“ און ווייטער: „. . . אין קונסט לשם קונסט האָט ער קיינמאָל ניט געגלויבט“.

און נאָך אין ג.׳ס לעב-טעג האָט ווינטשעווסקי געשריבן: „און דער אמת איז, אַז נאָך היינטיקן טאָג — און איך זאָג דאָס ניט לויבנדיק און ניט טאַדלענדיק, נאָר קאָנסטאַטירנדיק אַ פאַקט — איז דער מחבר פון דעם „רוסישן ייד“ אַליין נאָך אַ יידישער רוס. . . . ער איז נאָך היינט אַזוי רוסיש אין זיין אומגאַנגסשפּראַך, אפילו ווען ער רעדט יידיש, ווי אין דער צייט ווען ער האָט געשריבן אין רוסישע צייטונגען.“

אב. קאַהאַן כאַראַקטעריזירט ג.׳ן אַזוי: „ווען זיין [ג.׳ס] נאָמען אַלס דראַמאַטורג האָט גענומען שטייגן, האָט אויך גענומען שטייגן זיין באַדייטונג אין אונזער „רוסישער קאָלאָניע“, ווי מיר פלעגן זיך געוויינלעך רופן. ווען ער וואָלט געשריבן פּיעסען פון דעם אַלטן יידישן סאָרט, וואָלט זיין טעאַטער-קאַריערע צווישן זיינע רוסישע באַקאַנטע קיין אינטערעס ניט אַרויסגערופן. אַזוי אָבער ווי זיינע ווערק זיינען געשטאַנען אַ סך העכער ווי די פריערדיקע יידישע דראַמעס, און פון אַלע זייטן האָט מען אים באַגריסט אַלס אַ טאַלאַנט און אַלס דעם אויפהויבער פון דער יידישער בינע, איז זיין קורס צווישן די אינטעליגענטן אויך געוואַקסן . . .

. . . ער איז געווען דער צענטער פון דער יידישער בינע-וועלט. ער איז געווען פּאָפּולער און וויכטיק. מען האָט געזוכט זיין באַקאַנטשאַפט. אגב, האָט ער געקאָנט זאָגן אַ גוטן וויץ. אין דער קאָמפּאַניע פון פריינט איז ער געווען אַ פריילעכער, אַנגענעמער מענטש און ביי זיך אין דער היים איז ער געווען זייער גאַסטפריינטלעך. אַלזאָ, האָט זיך אַרום אים אַרומגעזאַמלט אַ גרופּע אינטעליגענטע דאָקטוירים, לאָיערס, דענטיסטן, געשעפטסלייט . . .

. . . גאָרדין, אַלס פּיעסען-שרייבער און אַלס איבערגעבענער פירער פון דער „עדיוקיישאָנאַל-ליג“ האָט געהאַט „חסידים“ אין אונזער [יידיש-סאָציאַליסטישער] באַוועגונג . . . . . אויב ער איז ניט געווען קיין פאָרמעלער סאָציאַליסט, איז ער יעדנפאַלס געווען איינער פון די וויכטיקסטע ראַדיקאַל-געזאָנענע אימיגראַנטן אין די יידישע קוואַרטאַלן, און דאָס האָט זיך אויך אַלץ דייטלעכער געלאָזט פילן אין זיינע ווערק. זיין „גאָט, מענטש און טייוול“, „סאַפאָ“, „קרייצער סאָנאַטאָ“, „די וואַרהייט“ — דיזע אַלע פּיעסען

אנטהאלטן מאסען ווערטלעך, סצענקעס און גאנצע אקטן, וועלכע גיבן אויסדרוק צו ראדיקאלע אידעען וועגן הייראט, ליבע, עקאנאמישע אומגלייכהייט, רעליגיאן, און דאס האט אים געשאפן פיל פאפולאריטעט צווישן סאציאליסטן. ... עס האט אויך ניט געקאנט זיין קיין ספק, אז ער האט טאלאנט, הומאר און אז ער פארשטייט די בינע אויסגעצייכנט. אלזא, האט א גרויסער טייל פון אונזער אינטעליגענץ אים געהאלטן פאר אן איבסען. זיין גאוה און פולווערדיקע עמפינדלעכקייט האט אים אין דער רוסישער קאלאניע פארשאפט אייניקע פערזענלעכע שונאים, ער האט אבער אין איר אויך געהאט ווארעמע פריינט און באגייסטערטע אנהענגער ... די, וואס זיינען געשטאנען ארום אים האבן די ליטערארישע באדייטונג פון זיינע פיעסען איבערטריבן אן א שיעור און ער אליין האט דאס נאך מער איבערטריבן. דאס פלעגט ער ארויסווייזן ווירקלעך ווי א צעבאלעוועט קינד. ער איז געווען אן ערלעכער מאן, ניט אויף א האר צוויידייטיק און אן א ברעקל כיטרעקייט; פלעגט ער זיין מיינונג וועגן זיין טאלאנט ארויסזאגן מיט א שטוינענדע אפנקייט. רעדנדיק פון דער פלאטפארמע פלעגט ער זיך אליין אריינרעכענען צווישן די גרויסע שרייבער פון דער וועלט-ליטעראטור. ... פארייניען פלעגן אים איינלאדן צו האלטן לעקטשורס; האט ער מער ווי איין מאל אלס טעמא גענומען זיין נייעסטע דראמע. ער פלעגט הייסן אנאנסירן, אז „יעקב גארדין וועט קריטיקירן זיין לעצטע טעאטער-שטיק" און אויף דער לעקטשור פלעגט ער ווייזן מיט וואס זיין נייע פיעסע איז נאך העכער ווי איבסענס בעסטע פיעסען ...... איך האב קיינמאל ניט געגלויבט, אז אים גיט זיך איין צו פארקערפערן א געדאנק אין דער פארמע פון קונסט. ער פלעגט דאס טאן דורך ווערטלעך, דורך פראזען, וועלכע ער פלעגט אריינגעבן זיינע פערזאנען, צי פאר זיי איז געווען נאטירלעך צו ריידן אזעלכע רייד, צי ניט. מייסטנס קאן מען זאגן, אז מיט גאנץ ווייניק אויסנאמען, איז דאס געווען אומנאטירלעך."

א מער אן אפאלאגעטישע שטעלונג נעמט אן לעאן קאברין: „א שטרענגער לערער איז גארדין געווען, דאך א געבוירענער און אויפריכטיקער לערער .. און נאר מיט דער דאזיקער באדערפעניש צו לערנען מיט אנדערע קאן מען אויך ערקלערן דעם דידאקטישן כאראקטער פון אלע זיינע פיעסען, גלויב איך, דאס וואס אלע העלדן אין זיינע פיעסען פילאזאפירן און מאראליזירן אזוי ... " נאר „גארדינס פיעסען, למשל, מיט אלע זייערע גרויסע פעלערן, האבן אבער איין גרויסע מעלה געהאט: זיי זיינען געווען ט ע א ט ע ר - פ י ע ס ע ן. זיי האבן אנגעפילט די בינע מיט באוועגונג, קאמף, קאליזיאנען, קאטאסטראפן — קורץ, מיט דראמאטישן בינען-לעבן. שטרייכט אויס אין גארדינס פיעסען 75 פראצענט פון זיינע חכמות און אפאריזמען, וואס זיי זיינען דער הויפט-חסרון אין זיינע שטיק, וועלן זיינע דראמען דערפון ניט ליידן, זיי וועלן נאך א סך דערפון געווינען."

מ. זייפערט שרייבט אין זיין „דיא געשיכטע פון יודישען טהעאטער": „ ... [גארדינס פיעסען] זיינען מיט דער גרעסטער צופרידענהייט אנגענומען געווארן, אבער נאר ביי דעם אינטעליגענטן קלאס און אונזער אינטעליגענטער קלאס איז נאך לײדער אזוי קליין, דאס ער קאן נאך א טעאטער קיינע גוטע איינאמע געבן און אונזערע שוישפילער דערשרעקן זיך פאר א קליינע איינאמע ווי דער טייוול פאר דעם שתי וערב. דאס האט געצוואונגען דעם בעגאבטן ה' יאקאב גארדין (ווי מאנכע אנדערע פון אונזערע ליטעראטן) דעם הייליקן רעאליזמוס אריבערצוווארפן איבערן בארט אונד לאזן שמעלצן זיינע שפעטערדיקע פיעסען ווי צום ביישפיל:

„מחמד", „די דריי פרינצן" א. אז. וו. אין דעם זעלביקן טיגל, וואו א ל ע פיעסען פון יידישן רעפערטואר זיינען געשמאלצן געווארן".

כאראקטעריסטיש איז ווי אזוי ג.'ס פעדער-קאלעגן און יידישע שוישפילער האבן זיך באצויגן צו זיין שאפן:

דר. מוקדוני שרייבט: „גארדינס טויט האט געטראפן דעם יידישן טעאטער ווי א דונער. עס איז געווען א קלארע שטימונג אין די טעאטער-קרייזן: א סוף, מען דארף זיך איצט נעמען צו די פאפירענע קרוינען און צו די הילצערנע שווערדלעך. ווען מיר פלעגט אויסקומען צו ריידן מיט יידישע אקטיארן וועגן גארדינען, פלעגן זיי זיך צעווײנען ווי קליינע קינדער, ווי קינדער, וואס האבן פארלוירן דעם טאטען, דעם שפייזער. זיי האבן ניט געגלויבט און פשוט ניט דערלאזט דעם געדאנק, אז אן אנדערער קאן פארנעמען זיין ארט. ליטעראטור האט ביי זיי געהייסן גארדין, טעאטער האט ביי זיי געהייסן גארדין, אלץ גארדין".

און וועגן אסתר רחל קאמינסקים באציאונג צו ג. שרייבט מוקדוני: „יעקב גארדין איז געווען איר גייסטיקער פאטער, איר העכסטער גייסטיקער חיות; גארדין האט זי פון שטויב אויפגעהויבן צו רום, אבער דערזעלביקער גארדין האט איר פארצאמט דעם וועג צו אמתער טעאטער-קולטור און צו ווייטע קינסטלערישע האריזאנטן. ער איז געווען דער דראמאטורגישער שולמייסטער, וואס קאן געבן זיינע תלמידים דאס עלעמענטארע, אבער ניט קיין שוואונג, ניט קיין אויפברויז און ניט קיין קינסטלערישן אומרו ... ... פאר אסתר-רחלען איז גארדין געווען ניט בלויז א דראמאטורג, איר ג י י ס - ט י ג ק י י ט האט זי געשעפט פון זיינע דראמען. ... גארדין איז געווען איר משיח, ער איז דאס העכסטע און בעסטע פאר איר. ער האט זיך אויסגענומען אבער, איצט איז ער געשטארבן ... דא צעוויינט זי זיך און הויבט אים אן צו באקלאגן ווי אלע עלטערע פרויען באווײנען א ליבן בר-מינן: אונזער טאטע איז ער דאך געווען, אונזער שטאלץ און אונזער האפענונג; אויף וועמען האט ער אונז איבערגעלאזט; עלנטע יתומימלעך זיינען מיר דאך איצט, שעפעלעך אן א פאסטוך!"

ווייטער שרייבט מוקדוני אין זיינע „זכרונות" (אין „ארכיוו" פון „יוו"א"): „שפעטער האב איך אויסגעפונען דאס מערקווירדיקסטע, וואס איר זעט ניט אין קיין אנדערן טעאטער, און נעמלעך — גארדין איז געווארן נוסח, אלע טרופעס, סיי אין אייראפע און סיי אין אמעריקע שפילן גארדינען מיט איין נוסח. אומעטום די זעלבע קליידונג, גרים, באוועגונגען און אפילו אינטאנאציע. עפעס ווי איינער וואלט געגעבן א מוסטער ווי אזוי צו שפילן גארדינען און אלע האבן עס בלינד און קנעכטיש נאכגעמאכט, קיינער האט ניט געהאט די דרייסטקייט צו מאכן די מינדסטע ענדערונג, אויפפאסן די ראלע אביסל אנדערש, צו אנטאן אפילו אן אנדער קאפאטע און צו מאכן אן אנדער באוועגונג. דערדאזיקער פארשטיינערטער נוסח, האב איך שפעטער איינגעזען, איז געווען דאס גרעסטע אומגליק פאר דער אנטוויקלונג פונם טעאטער, ער איז פארגליווערט געווארן אין דעם גארדין-נוסח און האט זיך ניט געקאנט באפרייען פון אים."

לעאן קאברין דערציילט: „ ... [ליפצין] שרייט היסטעריש צו קעסלערן: — דו שפילסט דאך ניט פראפעסאר הורוויצעס א פיעסע, קעסלער! דאס איז דאך גארדינס פראזע, קעסלער! יעדעס ווארט איז הייליק, קיין אות טאר מען ניט פארפעלן, קיין פינטעלע ...... געזונט זאלן זיין זיינע הענט און קאפ. אזא פיעסע, אזא ראלע האט ער פאר מיר אנגעשריבן! איך בין געווען ביי אים, איך האב אים ניט דערקאנט. זעקס וואכן איז ער פונם הויז ניט ארויס. געזעסן אין זיין צימער און האט

געשריבן, באַוואָקסן, ניט אַרומגעשוירן, אַזוי פאַרטאָן איז ער געוועז מיט זיין נייעם גרויסן ווערק . . . "

דאַקעגן גיט איבער קאָברין גאָלדפאַדען'ס מיינונג וועגן ג.: „וואָס ער [גאָרדין] האָט געטאָן מיט מיין קינד! גענומען מיין געליבט קינד, מיין יידיש קינד, מיין בנימינען און אים אָפּגעשמדט! מיין קדשי קדשים האָט ער מטמא געמאַכט. ער איז דאָך גאָר אַ מיסיאָנער, ווי קומט ער צום יידישן טעאַטער! . . . "

ענלעכס האָט אַמאָל גאָלדפאַדען געזאָגט צו יוליוס אַדלער: „ווייסט איר דעם אונטערשייד צווישן מיר און גאָרדינען? איך האָב אויסגעזוכט אַלע גוטע מדות ביי יידן, איבערהויפּט די טהרת המשפחה און עס אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע. ער, גאָרדין, האָט אויסגעזוכט ביי יידן אַלע שלעכטע מדות ווי גנבה, גזלה, מאָרד און גלאַט חזירישע שטיק און אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע, באַזונדערס האָט ער מחלל געווען די יידישע משפחה".

און דער דראַמאַטורג „פּראָפעסאָר" הורוויץ — דערציילט קאָברין — האָט אַזוי זיך אויסגעדריקט וועגן ג.'ס שאַפן: „—זיי שרייען גאָרדין! וואָס איז גאָרדין? אַ דראַמאַטורג איז ער? מען רעדט ביי אים פּראָזע . . . אויף דער בינע אַזאַ פּראָזע ווי אויף דער גאַס . . . . געהערט? אַרויפגעבראַכט העסטער סטריט [די יידישע מאַרק-גאַס פון ניו-יאָרק] אויף דער בינע! אַ פּרינץ אפילו רעדט דאָך ביי אים אַזאַ פּראָזע! געהערט? זיי טומלען: גאָרדינ'ס פּראָזע! . . . שטעלט זיך פאָר ווען גאָרדין זאָל אויפירן „האַמלעט, פּרינץ פון דענעמאַרק" פון שעקספּירן, וועט ער אים אויך לאָזן ריידן העסטער-סטריט פּראָזע! . . ." „פאַר זיינע אַקטיאָרן — דערציילט לעאָן קאָברין אין זיינע זכרונות — האָט הורוויץ גערופן גאָרדינען, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט: אָדער „דער שוואַרצער ייד", מחמת גאָרדין האָט געהאַט אַזאַ פּיעסע און האָט אַליין אויסגעזען שוואַרץ. . . . דער עיקר, מחמת ער האָט דערמיט געוואָלט געבן אַן אָנצוהערעניש, אַז גאָרדין האָט אַ שוואַרץ יידיש האַרץ און איז אַן אַנטיסעמיט; אָדער ער האָט אים גערופן: „יאַקאָוו מיכאַאילאָוויטש לאַמטאַמדריילעם", מחמת גאָרדין האָט מיט די אַקטיאָרן גערעדט רוסיש, און ווען אַדלער האָט צו אים גערעדט, האָט ער אים אַלע מאָל אַנשטאָט „גאָרדין" אַדרעסירט: „יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש" . . . אגב, מען זאָגט, אַז דער ערשטער, וואָס האָט מיט שפּאָט אַזוי גערופן גאָרדינען, איז דווקא געווען דער פאַרשטאָרבענער ד ו ד ק ע ס ל ע ר. ניט איין מאָל האָב איך אַליין שפּעטער געהערט בעת קעסלער איז געווען אומצופרידן פון גאָרדינען, ווי ער האָט אים גערופן, אונטער די אויגן, „יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש לאַמטאַמדריילמקע".

יעקב פּ. אַדלער שרייבט נאָך גאָרדינ'ס טויט:

„ . . . ווען איך צוזאַמען מיט מיינע קאָלעגן-שוישפּילער שרייען נאָר גאָרדין, מיינט דאָס ניט, אַז מיר פאַרלייקענען די פּאָר יידישע דראַמאַטורגען פון בעסערן סאָרט, די נייע, די מאָדערנע. ניין, אָבער דער פאַקט בלייבט, אַז גאָרדין איז געווען דער איינציקער וואָס האָט פאַרשטאַנען דאָס יידישע פּובליקום. גאָרדין האָט געגעבן דער יידישער בינע אַ רייע מיט טיפן פון יידישן לעבן, וועלכע דאָס פּובליקום האָט דערקענט . . . . . דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט א ר ר י י נ צ ו נ א ר ן אין יידישן עולם זיינע וועלט-אַנשויאונגען."

בערטאַ קאַליש [אין אירע „זכרונות" אין „טאָג" פון 30טן סעפּט. 1925] כאַראַקטעריזירט ג. אַזוי: „אַ וואַרימקייט האָט געשלאָגן פון אים און יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין געשמאַקן יידיש, איז פאַר מיר געווען אַ שטיק תורה. ער האָט געהאַט געדיכטע שוואַרצע האָר און זיין באָרד פעסט אַריינגעוואַקסן, און זיין פּנים, האָט [האָבן] אים געגעבן אַ סך כאַראַקטער-אויסדרוק. אַ רויטע, גראָבע, אונטערשטע ליפּ און אַ פּאָר פינקלענדיקע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון דער „קאַפּיצע" האָר און באַשטראַלט זיין פּנים. גאָרדין האָט די גאַנצע צייט געטרונקען טיי און גערעדט וועגן טעאַטער. ער האָט ניט מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן די שאַרפסטע ווערטער וועגן מענטשן, וואָס זיינען אים ניט געפעלן געוואָרן. ער האָט ניט מורא געהאַט אָנצורופן דעם גרעסטן אַקטיאָר מיטן נאָמען „פּאַיאַץ", אויב דאָס שפּילן זיינס איז ניט געווען אַזוי ווי ער האָט עס געוואונטשן. ער האָט קיינעם ניט געשאַנעוועט, דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט דעם מוט צו פאַרלויבן אפילו אַן אומבאַדייטנדן אַקטיאָר, אויב יענער האָט געשפּילט ווי ס'געהער צו זיין. און מיט גאָרדינ'ס ווערטער האָט מען זיך גערעכנט. גאָרדינ'ס אַ „קריטיק" אין דער קיבעצאַרניע האָט דער אַקטיאָר גענומען מער ערנסט ווי די קריטיק אין דער צייטונג. ער איז געווען דער איינציקער מענטש, צו וועלכן אַלע האָבן אַרויפגעקוקט, ער איז געווען דער איינציקער שרייבער, וועלכן אַ מענעדזשער האָט ניט געוואָגט צו באַליידיקן אפילו מיט אַ קליינער אָנדייטונג".

בעסי טאָמאַשעווסקי דריקט זיך אויס אין אירע זכרונות: „מיר האָבן טאַקע הנאה געהאַט צו ריידן אַזאַ זיסע פּראָזע ווי גאָרדינ'ס, אָבער די „טאָלער-ברענגערס", די אמתע בעלי-הבתים פון טעאַטער, דאָס הייסט, דאָס גרויסע ווערטע פּובליקום איז ניט געקומען . . . . . גאָרדין האָט פיל געמוזט דורכמאַכן ביים יידישן טעאַטער, קעמפן ווי אַ נביא אי מיט די יידישע שוישפּילער און אי מיטן יידישן פּובליקום, עס זאָל זיי ביידע צו קיין גנאי ניט זיין".

וועגן ג.'ס נאָכפאָלגערשאַפט שרייבט דוד פּינסקי: „גאָרדין מאַכט שולע. מען איז זיך מתקנא אין זיין ערפאָלג. מען הויבט אָן נאָכצומאַכן אים. די נאָכמאַכער אָבער זיינען אַלע שוואַכער פאַר אים, מיט קלענערן טאַלאַנט און ווייניקער טעמפּעראַמענט. זיי שטייען אַלע אונטער אים. עס איז געווען אַ זיג פאַר אים פערזענלעך און זיין ריכטונג, וואָס ער האָט געפונען נאָכמאַכער. ער איז, אַזוי צו זאָגן, פּאָפּולאַריזירט געוואָרן. זיין ריכטונג האָט עראָבערט דאָס יידישע טעאַטער און ער, אַלס דער שטאַרקסטער פאַרטרעטער פון זיין ריכטונג, האָט געקאָנט ווערן דער אויבערהאַר פון דער יידישער בינע."

אויפן נאָמען פון ג. עקסיסטירן אין פאַרשיידענע לענדער דראַמאַטישע פאַריינען און ביבליאָטעקן.

ג.'ס פּיעסען געדרוקט אין יידיש:

[1] מעדעאַ
אַ היסטאָרישע טראַגעדיע אין 4 אַקטען.
בעאַרבייטעט פיר דער יודישער ביהנע פון יעקב גאָרדין
פיר דיא גרויסע טראַגישע שוישפּיעלערין מאַדאַם ק. ליפּצין.
געדרוקט פּינקטליך נאָך דעם טעקסט פון איהר רעפּעטאָאַר
ניויאָרק 1897
[47 ז. °16 מיט אַ פאָרוואָרט פון מ. בוקאַנסקי]

[1א] וואַרשאַ תרעג [1913], דרוק „אוניווערסאַל" לעשנאָ 31
פּרייז 30 קאָפּ.
[45 ז. °16, מיט קליינע אָרטאָגראַפישע ענדערונגען]

[2] דיא ווילדע פּרינצעסין
אָדער
מעדעאַ'ס יוגענד
אַ היסטאָרישע דראַמאַ אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין
ספּעציעל געשריעבען פיר מאַדאַם ק. ליפּצין

גערדרוקט פינקטליך נאָך דעם טעקסט פון איהר רעפּערטואַר
ניו יאָרק, דרוק פון „יודישען טעגליכען העראַלד" 1898
[55 ז. 16°, מיט אַ פאָרוואָרט פון מ. בוקאַנסקי.]

[3] מירעלע אפרת
דיא אידישע קעניגין ליער
אַ לעבענסבילד אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין
ספּעציעל געשריעבען פיר מאדאם ק. ליפּצין
נויאָרק 1898 [48 ז. 12°]

[3א] צו פערקויפען בייא דיא היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני
ניו יאָרק 1911
[85 ז. 16°, מיט די בילדער פון מחבר און קעני ליפּצין
אין דער ראָל און אַן הקדמה פון מ. ווינטשעווסקי]

[3ב] מירעלע אפרת
אַ דראַמאַ אין פיער אַקטען
[מיט ווינטשעווסקיס פּראָלאָג, געדרוקט אין דער יובילײ-
אויסגאַבע, צווייטער באַנד, ניו-יאָרק, 1911, 73 ז. 16°]

[3ג] וואַרשאַ, תרעג [1913]
[64 ז. 16°, מיטן בילד פון מחבר. גענויער אַמעריקאַנער
טעקסט מיט קליינע אָרטאָגראַפּישע ענדערונגען, אָן ווינ-
טשעווסקיס הקדמה].

[4] גאָרדינ'ס דראַמאַס
די יתומה
דראַמאַ אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין
ספּעציעל געשריעבען פיר מאַדאַם ק. ליפּצין.
[ניו-יאָרק, 1903, 47 ז. 12°]
פּרייז 15 סענט.

[4א] חאַשע די יתומה
אַ דראַמע אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין
פערלאַג די „יודישע ביהנע"
וואַרשאַ תרס"ז [1907]
[92 ז. 16°]

[5] גאָרדינ'ס דראַמאַס
גאָט מענש און טייוועל
דראַמאַ אין 4 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג
דיא אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק
[ניו-יאָרק] 1903 [102 ז. 16°]
[דער פאַרלאַג באַמערקט, אַז אין שיכות מיטן מחברס
50טן געבורטסטאָג הייבט ער אָן אַרויסצוגעבן זיינע פּיעסען]

[5א] גאָט, מענש און טייוועל
דראַמאַ אין 4 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג פון יעקב גאָרדין
וואַרשאַ 1907
פּרייז 25 קאָפּ.
[77 ז. 16°.]

[5ב] גאָט, מענש און טייפעל
אַ דראַמאַ אין פיער אַקטען מיט אַ פּראָלאָג
[געדרוקט אין ערשטן באַנד פון גאָרדינס יובילײ-אויסגאַבע,
ניו-יאָרק, 1911, 82 ז. 16°].

[6] די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק
דיא אמת'ע קראַפט
דראַמאַ אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין
אַרויסגעגעבען פון א. מ. יעוואַלענקאָ
ניו-יאָרק [1904], 105 ז. 16°]

[6א] [געדרוקט אין גאָרדינס יובילײ-אויסגאַבע, צווייטער באַנד,
ניו-יאָרק, 1911, 81 ז. 16°].

[7] גאָרדינ'ס דראַמאַס
דער אונבעקאַנטער
אַ דראַמאַ אין פיער אַקטען מיט אַ פּראָלאָג
פון יעקב גאָרדין
אַרויסגעגעבען פון דיא אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק
ניו יאָרק [1907] פּרייז 20 סענט, [104 ז. 16°]

[7א] וואַרשאַ תרס'ח 1908.
[80 ז. 16°]

[7ב] [געדרוקט אין גאָרדינס יובילײ-אויסגאַבע, ניו-יאָרק, 1911,
צווייטער באַנד, 83 ז. 16°]

[8] גאָרדין'ס דראַמאַס
אלישע בן אבויה
היסטאָרישע דראַמאַ אין 4 אַקטען
פון יעקב גאָרדין
פּרייז 15 סענט.
אַרויסגעגעבען פון דיא אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק
[ניו-יאָרק, [1907] 88 ז. 16°]

[8א] אַ דראַמאַ אין 4 אַקטען
וואַרשאַ תרס'ח (1908) [71 ז. 16°].

[8ב] [געדרוקט אין גאָרדינס יובילײ-אויסגאַבע, ערשטער באַנד,
ניו-יאָרק 1911, 74 ז. 16°].

[9] דער מטורף
דראַמאַ אין 4 אַקטען
פון יעקב גאָרדין
אַרויסגעגעבען פון די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק
פערלאַג קאָמפּ.
[ניו-יאָרק, 1907]
פּרייז 20 סענט
[102 ז. 16°].

[9א] פערלאַג פאָן אַמקרויט עט פריינד, בוכהאַנדלונג
פּשעמישל 1908 [62 ז. 16°].

[9ב] [געדרוקט אין גאָרדינס יובילײ-אויסגאַבע, ערשטער באַנד,
ניו-יאָרק, 1911, 80 ז. 16°]

[10] די געברידער לוריא
לעבענסבילד אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין
יודישע טהעאַטער-ביבליאָטעק נומ. 1
וואַרשאַ 1907
[51 ז. 16°].

[11] דער ווילדער מענש
לעבענס-בילד אין 5 אַקטען, 7 בילדער
פון יעקב גאָרדין
פערלאַג „יבנה" וואַרשאַ 1907
יודישע טהעאַטער-ביבליאָטעק נומ. 3
[54 ז. 16°]

[12] דער יודישער קעניג ליר
דראַמאַ אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין
יודישע טהעאַטער-ביבליאָטעק נומ. 5
וואַרשאַ 1907
[50 ז. 16°]

[13] סאַפּפהאָ
לעבענסבילד אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין
פּרייז 25 סענט
אַרויסגעגעבען פון יעקב גאָרדין ליטעראַרי סוירקעל

ניו יאָרק 1907
[86 ז. 16° מיט אַ פאָרוואָרט פון ה. זאלאטאראוו]

[13א] סאפפאָה
אויסגאַבע פערלאגס-ביורא ווארשא תרס"ח [1908]
[68 ז. 16°. אויפן דרויסן שער-בלאט: „דראמא“, אַן זאָלאָטאראָווס הקדמה.]

[13ב] סאַפאָ
אַ דראמא אין פיער אַקטען
[געדרוקט אין גאָרדינס יובילײ-אויסגאַבע, ערשטער באַנד, ניו-יאָרק, 1911, 72 ז. 16°, מיט זאָלאָטאראָווס פאָרוואָרט].

[14] דבורה'לע מיוחסת
לעבענסבילד אין 4 אַקטען פון י. גאָרדין
פערלאַג די „יודישע ביהנע“
ווארשא תרס"ז [1907]
[70 ז. 16°, געדרוקט אין פיעטרקוב]

[15] קרייצער סאָנאטע
אַ דראמע אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין
אַרויסגעגעבען פון מ. מייזעל, נויאָרק 1907 [92 ז. 16°]

[15א] אויסגאַבע „פערלאגס-ביוראָ“ ווארשא
ווארשא 1908
[74 ז. 16°]

[15ב] קרייצער סאָנאטא
[געדרוקט אין גאָרדינס יובילײ-אויסגאַבע, צווייטער באַנד, ניו-יאָרק, 1911, 75 ז. 16°]

[16] די שחיטה
דראמא אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין
יודישע טעאַטער-ביבליאָטעק נומ. 14
ווארשא תרס"ח [1908]
פערלאג „יבנה“. [64 ז. 16°]

[17] דער אמת (די וואהרהייט)
אַ דראמא אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין
פערלאג פון אמקרויט עט פריינד
בוכהאַנדלונג, פשעמישל, 1908
[63 ז. 16°]

[18] דודל משורר
אַ דראמא אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין
הויפט פערקויף ביי אַמקרויט עט פריינד, בוכהאַנדלונג, פשעמישל
[1908, פאראן אַן אויסגאַבע מיטן דרוק-יאָר 1911, 68 ז. 16°].

[19] דיא שעהנע מרים
היסטאָרישע אָפערעטע אין 4 אַקטען מיט פראָלאָג אונד עפילאָג פאָן יעקב גאָרדין, מוזיק פאָן מאָגולעסקאָ.
פשעמישל, תרסח—1908.
אייגענטהום אונד פערלאג פאָן אַמקרויט עט פריינד, בוכ-האַנדלונג, פשעמישל
דרוק פאָן ש. ל. דייטשער, פאָדגורזע, [56 ז. 16°]

[20] אָהן אַ היים
אַ דראמא אין פיער אַקטען
[געדרוקט אין גאָרדינס יובילײ-אויסגאַבע, צווייטער באַנד, ניו-יאָרק, 1911, 97 ז. 16°]

[21] אויף די בערג
אַ דראמא אין פיער אַקטען מיט אַ פראָלאָג
[געדרוקט אין גאָרדינס יובילײ-אויסגאַבע, ערשטער באַנד,

ניו יאָרק, 1911, 87 ז. 16°]

[22] די שבועה
דראמא אין פיער אַקטען פון יעקב גאָרדין
ווארשוי תרע"א [1911]
[90 ז. 16°]

[23] דער שאַרלאַטאַן
אַ לעבענסבילד אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין
פערלאג פון אַמקרויט עט פריינד, בוכהאַנדלונג, פשעמישל, 1912
[44 ז. 16°]

[24-39] יעקב גאָרדינ'ס איין-אַקטערס
אַרויסגעגעבען פון „טאָג“
ניו-יאָרק 1917, [249+XIV ז. 16°]
[אַנטהאַלטן פאָלגענדיקע, פון „טאָג“ איבערגעדרוקטע, איינ-אַקטערס, רעדאַקטירט פון י. ענטין, מיט אַ פאָרוואָרט פון אַלכסנדר גאָרדין, אַ זון פון יעקב:

1) דער גייסט פון דער גהעטא
2) די וואהלטהעטער פון דער איסט סייד, קאָמעדיע.
3) דער רוסישער אַמעריקאַנישער פעראיין מיט ברייטע אידעאַלען [איבערזעצט פון י. ענטין].
4) אַ טענה צווישן מאַן און פרוי.
5) ער און זי, הומאָריסטישע סצענע.
6) איז ער שולדיג?, דראַמאַטישע סצענע.
7) די וואהנזיניגע אַקטריסע, אַ דראַמאַטישע סצענע.
8) דער אָפגעשטאָרבענער קינסטלער, אַ דראַמאַטישע סצענע.
9) זי וויל ניט דעם שידוך, אַ דראַמאַטישע סצענע.
10) אַ טראַגעדיע דורך שפּאַס.
11) פאַרוואָס מענער ליעבען, קאָמעדיע.
12) קאַפּיטאַן דרייפוס, דראַמאַטישע סצענע.
13) יאָקל דער אָפּער'ן-מאַכער.
14) נאָך דער שחיטה, אַ דראַמאַטישע סצענע.
15) די טיפען גאַלעריע, דראַמאַטישע סצענע.
16) דער קריזיס, אַ קאָמעדיע אין צוויי אַקטען.]

[40] דער פרעמדער
דראַמע אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין
פערלאַג טעאַטער ביבליאָטעק
ווארשא 1922 [48 ז. 16°].

אין העברעאיש:

[1] האלהים, האדם והשטן
חזיון בארבע מערכות ופרולוג
מאת יעקב גורדין
עברית ע"י ר' קלונימוס [ק. סילמן]
הוצאת סנונית (ח)
דפוס עזריאל ירושלים תרע"ה [1915]
[96 ז. 16°].

[2] אלישע בן אבויה
חזיון בארבע מערכות
מאת יעקב גורדין
עברית ע"י ר' קלונימוס [ק. סילמן]
הוצאת סנונית (ט)
דפוס עזריאל ירושלים כסלו תרע"ו [1916]
[72 ז. 16°].

[3] יעקב גורדין
המטרף
דרמה בארבע מערכות
תרגם ישראל ברוך
הוצאת „סנונית“ לבוב [1922?]
[38 ז. °16].

אין רוסיש:

[1] Сатана
Драма въ 4 д. и 6 карт. съ прологомъ, Якова Гордина, переводъ съ еврейскаго Четы Шен. 2-е исправленное изданіе С. Ф. Разсохина. 2 р.
Литографія Театральной Библіотеки С. Ф. Разсохина, Москва [68 pp. 12°]

[1a] Переводъ Четы Шенъ
1910. [76 pp. 16°]

[1б] Я. Гординъ
Сатана
Драма въ четырехъ дѣйствіяхъ съ прологомъ
Переводъ съ еврейскаго Т. Гейликмана.
Москва, Книгоиздательство "Польза"
В. Антикъ и Ко.
Универсальная библіотека Но. 358 10 коп.
[1912, 92 ז. °32]

[2] די שחיטה
איבערזעצט מ. פאַנבערג
פּ״ג סאָווּרעמענניאַ פּראָבלעמי
מאָסקווע 1910
[לויט ז. רייזען „לעקס. ייד. ליט“]

[3] כאַסיע די יתומה
איבערזעצט פון י. יולין
פּ״ג י. האַלפּערן, ווילנע 1911.
[לויט ז. רייזען „לעקס. ייד. ליט.“]

[4] שרה פינגערהוט
(סאַפאָ)
איבערזעצט א. וואָלקאַנסקי
פּ״ג פּאַרטוגאַלאָוו, מאָסקווע 1911
[לויט ז. רייזען „לעקס. ייד. ליט.“ 1]

[4a] Я. Гординъ
Еврейская Сафо
Драма въ четырехъ дѣйствіяхъ,
переводъ Д. Розанблита
Одесса 1912 [68 pp. 16°].

[5] Яковъ Гординъ
Миреле Эфросъ
Бытовая картина въ четырехъ дѣйствіяхъ
Переводъ съ еврейскаго Т. Гейликмана.
Универсальная Библіотека
Но. 336 10 коп.
[1912, 79 pp. 32°].

[6] דער יידישער קעניג ליר
איבערזעצט פון ד. ראָזענבליט
אָדעס, 1912.
[לויט ז. רייזען „לעקס. ייד. ליט. 1].

[7] אלישע בן אבויה
איבערזעצט פון ד. ראָזענבליט
אָדעס 1912
[לויט ז. רייזען „לעקס. ייד. ליט. 1].

[8] Я. Гординъ
Клятва
Драма въ четырехъ дѣйствіяхъ,
переводъ Д. Розенблита
Одесса 1912 [49 pp. 16°]

[9] Я. Гординъ
Сумасбродъ
Драма въ четырехъ дѣйствіяхъ
переводъ Д. Розенблита
Одесса 1912 [54 pp. 16°].

[10] За океаномъ.
[„קרייצער סאָנאַטאָ“]

אין אוקראַאיניש:

[1] Яків Гордин. МИРЕЛЕ ЭФРОС.
Попутова п'еса з еврейского життя
на 4 дії і 6 одміи.
В перекладі Ш. Полонера.
Киіев 1910 [80 pp. 16°].

[2] САТАНА. Драма на 4 дії і 6 одміи
Якова Гордина,
в украіньскому перекладі Н. Лісковейцкого,
1910.

[3] Кохання і Смерть, драма на 4 дії
[„דער אומבאַקאַנטער“, אַנאָנסירט צום דערשיינען]

אין ענגליש:

[1] The Jewish King Lear
A drama in four acts
by Jacob Gordin
[Synopsis]
[געדרוקט אין אַ פּראָגראַם וואָס דער „דזשאָרדזש דזשעסעל לאָדזש נומער 566, אינדיפּענדענט אָרדער בני-ברית“ האָט ארויסגעגעבן אין שיכות מיט אַן אויפירונג דעם 19 דעצ. 1905].

[2] The Kreutzer Sonata
A play in four acts
adapted from the Yiddish
of Jacob Gordin
by Langdon Mitchell
Harrison Grey Fiske
New York 1907.
[78 ז. °16].

אין דייטש:

[1] Jacob Gordin—
Das Geld
Drama in 4 Akten
[געדרוקט אין "Die Welt" קעלן, 6, 4, 3, 2, 1, 1906]

[2] Mirele Efros, Drama in vier Aufzügen
von Jakob Gordin,
übertragen von Alexander Eliasberg,
Georg Müller-Verlag, München, 1919
[געדרוקט אין ערשטן באַנד פון עליאַסבערגס איבער-זעצונגען „יידיש טעאַטער“, 132 ז. °16].

מ. ע. פון מיכל גאָלדבערג, לעאָן גאָטליב, יוליוס אַדלער און יעקב מעסטעל.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II, זז. 41-107, 189-158, 207, 258-60, 279.

ז. רייזען — לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 30-519.

אב. קאהאן — דיא אידישע ביהנע, „דיא אַרבייטער צייטונג“, נ. י. 20, 27 נאָוועמב. 1891.

יעקב גאָרדין — וועגען דיא דראמא „פּאָגראָם“, „דיא אַרבייטער צייטונג“, נ. י. 15 אַפּריל 1892.

ל. מיללער — אונזער אידישע קונסט, „דיא אַרבייטער צייט.“, נ. י., 22 אַפּריל 1892.

אב. קאהאן — דער אידישער טהעאַטער און דיא אַמעריקאַנער ראָמאַנען, „דיא אַרב. צייט.“ נ. י., 29 אַפּריל 1892.

יעקב גאָרדין — דער סיוזשעט פון מיין צוקונפטיגע דראמא, „דיא אַרב. צייט.“, נ. י., 20 מאַי 1892.

יעקב גאָרדין — שטימען אויס דעם פאָלק, „דיא אַרב. צייט.“, נ. י., 30 סעפּט. 1892.

יעקב מילך — אַ פראַגע צו הערן גאָרדין, דאָרט., 7 אָקט. 1892.

ל. מיללער — שטימען אויס דעם פאָלק, דאָרט, 21 אָקט., 1892.

יעקב מילך — שטימען אויס דעם פאָלק, דאָרט, 28 אקט. 1892.

א. ק. — צוויירלייַ ריכטונגען אין דעם אידישען טהעאַטער, דאָרט, 24, 31 מאַי, 8, 14 יוני, 1895.

[יעקב גאָרדין] — הערר גאָרדינ'ס אַנטוואָרט, דאָרט, 21, 28 יוני 1895.

א. ק. — איין זייט פון מעדאל, אָדער ביידע? דאָרט, 4 יולי 1895.

יעקב גאָרדין — איין זייט פון מעדאל, אָדער ביידע, דאָרט, 11 יולי 1895.

[אב קאהאן] — די נייע אידישע פּיעסען, דאָרט, 11 אָקט. 1895.

[מ. ה. הערמאַלין] — דריי נייע פּיעסען אין דיא דריי אידישע טהעאַטערס, דאָרט, 6 דעצ. 1895.

ל. ע. מיללער — „גאָט, מענש און טייוועל“, „פאָרוו.“, נ. י. 25, 26, 28, 30 סעפּט., 2, 5 אָקט. 1900.

ל. ע. מיללער — איינהייט אין קונסט, „פֿאָרוו.“, נ. י., 27 סעפּט. 1900.

ק. ליפּצין — „ראָניע די פּאָטשטאַרקע“, „פאָרוו.“, 8 אָקט. 1900.

ב. האָלצמאַן — „דיא שבועה“, „פאָרוו.“ 2 נאָוו. 1900.

ניט קיין קריטיקער — „דיא שבועה“, „פאָרוו.“, 3 נאָוו. 1900.

ב. ג. [ב. גאָרין] — יעקב גאָרדין, „דער טהעאַטער זשורנאַל“, נ. י. 5, 1901.

„סואווענירן צו יעקב גאָרדין'ס צעהן־יאָהריגען יובילעאום“, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1901.

ב. גאָרין — „קרייצער סאָנאַטאָ“, „דער טהעאַטער זשורנאַל“, נ. י., 9, 1902.

מ. א. — ווידער דיא קרייצער סאָנאַטאָ, דאָרט.

ב. גאָרין — דער עץ הדעת, דאָרט, 11, 1902.

Jacob Gordin, “Die Welt”, Köln, 1, 1906.

יעקב גאָרדין — די אידישע דראמא און די אידישע ביהנע, „דיא וואַרהייט“, נ. י., 15 סעפּט. 1907.

יעקב גאָרדין — „דאָס שפּיעל אין ליעבע“, „דיא וואַרהייט“, נ. י., 3 אָקט. 1907.

בעל־מחשבות — בריעף וועגען ליטעראַטור, „דער אידישער קעמפּפער“, פילאַדעלפיע, 28 דעצעמבער 1906, 4, 11 יאַנואַר 1907.

י. ענטין — יעקב גאָרדין און דאָס אידישע טהעאַטער, „דער אידישער קעמפער“, נ. י., 1, 5, 6, 7, 8, 1907.

בעל דמיונות — יעקב גאָרדין איז הונגעריג. דאָרט, 7, 1907.

יעקב גאָרדין — פאַר וואָס יעקב גאָרדין וויל ניט ענטפערען זיין קריטיקער, „דיא וואַרהייט“, נ. י., 30 נאָוו. 1907.

ל. ע. מיללער — אַ נייער וואָרט פון יעקב גאָרדין, דאָרט, 29 אָקטאָבער, 1907.

ל. ע. מיללער — יעקב גאָרדין'ס „אָהן אַ היים“. דאָרט. 30 אָקט. 1907.

ל. ע. מיללער — דיא אויפפיהרונג פון „אָהן אַ היים“ אין גרענד טהעאַטער, דאָרט, 31 אָקט. 1907.

א. ג. — יעקב גאָרדין'ס נייעסטע פּיעסע, דאָרט. 21 דעצ. 1907.

דר. ק. פאַרנבערג — יעקב גאָרדין'ס נייע דראמע „גלות גאַליציען“ אין גרענד טהעאַטער, דאָרט, 5 יאַנואַר 1908.

[—] — יעקב גאָרדין און דער „פאָרווערטס“. דאָרט, 17 יאַנ. 1908.

ר. מ. בערנשטיין — שטימען פון פאָלק, דאָרט, 18 יאַנואַר 1908.

[—] — דער היסטאָרישער העלד פון „גלות גאַליציען“. דאָרט, 21 יאַנואַר 1908.

[—] גאָרדין קריגט אַ הילכעדיגע אָוואַציע, דאָרט, 23 יאַנואַר 1908.

יעקב זיינפעלד — שטימען פון פאָלק, דאָרט, 26 יאַנואַר 1908.

דוד קאָפּעלזאָן — שטימען פון פאָלק. דאָרט, 30 יאַנ. 1908.

מ. ווינטשעווסקי — מאָררים ווינטשעווסקי וועגען „פאָרווערטס“, זאַמעטקין און גאָרדין, דאָרט, 5 פעב. 1908.

בעני היטעלמאַן — שטימען פון פאָלק. דאָרט, 7 פעב. 1908.

אב. קאהאן — גאָרדין'ס פּלאַץ אַלס אידישער דראמא־שרייבער, „פאָרוו.“, 1 פעב. 1908.

אב. קאהאן — יעקב גאָרדין און טהעאַטער קריטיק, „פאָרוו.“, נ. י., 2 פעב. 1908.

אב. קאהאן — קריטיק־פּיבער, „פאָרוו.“, נ. י., 4 פעברואַר 1908.

אב. קאהאן — פרייע ליעבע און פרייע קריטיק, „פאָרוו.“, 5 פעב. 1908.

אב. קאהאן — פּראָזע און פּראַזע אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרוו.“, 8 פעב. 1908.

יעקב גאָרדין — פאַר וואָס אייב קאהאן איז איצט אַרויס געגען יעקב גאָרדין, „וואַרהייט“, נ. י., 7 פעברואַר 1908.

מ. ווינטשעווסקי — אייב קאהאן'ס פערגאַנגענהייט, געגענוואַרט און צוקונפט. דאָרט, 8 פעברואַר 1908.

י. בערנשטיין — שטימען פון פאָלק. דאָרט, 9 פעברואַר 1908.

[—] — יעקב גאָרדין פאַרשפּרעכט „פּאָן“. דאָרט 10 פעב. 1908.

יעקב ד. שאַיאָוויטץ — שטימען פון פאָלק. דאָרט, 10 פעב. 1908.

אב. קאהאן — דיא פּערזאָנען אין גאָרדינ'ס פּיעסען, „פאָרוו.“, נ. י., 15, 16 פעב. 1908.

אב. קאַהאַן — וואָס הייסט אַן אָריגינעלעס ווערק?, „פאָרוו.“, 22 פעב. 1908.

אב. קאהאן — אַ פּאָר פּערזענלעכע ווערטער, „פאָרוו.“, 3 מערץ 1908.

אב. קאהאן — גאָרדין'ס „מירעלע אפרת“, „פאָרוו.“ 10, 11 מערץ 1908.

מ. באַראַנאָוו — דער קאַמף פון יעקב גאָרדין מיט זיינע קריטיקערס. „פאָרוו.“, 12 מערץ 1908.

זרובבל — וואָס מען דענקט אין רוסלאַנד וועגען גאָרדינען, „פאָרוו.“, 15 מערץ 1908.

אב. קאהאן — גאָרדין'ס „סאַפּפהאָ“, „פאָרוו.“ 21, 22, 23 מערץ 1908.

אב. קאַהאַן — פון וואַנען האָט גאָרדין גענומען „זיינע“ אַרטיקלען, „פאָרוו.“ 4, 5, 7, 8, 9, 10, 11 אַפּריל 1908.

יעקב פּ. אַדלער — אַ בריעף פון יעקב פּ. אַדלער, „פאָרוו.“, 15 אַפּריל 1908.

מ. ל. — יעקב גאָרדין'ס „שחיטה“ און „מירעלע אפרת“ אין פּעטערבורג, „פאָרוו.“, 14 מאַי 1908.

[—] — דער אידישער טהעאַטער אין רוסלאַנד און אין אַמעריקא, „פאָרוו.“ 14, מאַי 1908.

[יעקב פּ. אַדלער] — דזשייקאָב פּ. אַדלער שרייבט פאַר'ן „פאָרווערטס“ זיינע עראינערונגען וועגען יעקב גאָרדין, „פאָרוו.“ 12, 13 יוני 1909.

מאָררים ראָזענפעלד — ביי גאָרדין'ס קבר, „פאָרוו.“ 13 יוני 1909.

א. ליעסין — יעקב גאָרדין. דאָרט.

Hutchins Hapgood—“The Spirit of the Ghetto”, New York, Funk & Waghalls Comp., 1909, pp. 113-176.

יאַנקעל דאָלינער — אַ מאָנומענט פיר י. גאָרדין אין נויאָרק, „דער קענעדער אָדלער“, מאָנטרעאל, 19 יוני 1910.

דוד פרישמאַן — „שריפטען“, ווארשא 1911, III, זז. 33-128.

ב. גאָרין — דער אידישער טעאַטער אין אַמעריקע, „די יודישע וועלט“, ווילנע, 5, 1913.

מ־ם — היימלאָזע, „היינט“, וואַרשע, 4 מאַי 1913.

דזשייקאָב פּ. אַדלער — וויא האַלט עס מיט'ן אידישען טהעאַטער?, „דיא וואַרהייט“, נ. י. 5 דעצ. 1915.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס געשיכטע“, זז. 5-204, 249-51, 254, 263-4, 276, 279-82, 295-98.

אלכסנדר גאָרדין — די אויפגאַבע און דער צוועק פון איין־אַקטער, „דער טאָג“, נ. י. 1, 2 אָקט. 1917.

י. ענטין — אין און אַרום טהעאַטער, „דיא ווארהייט“, נ. י., 3 פעב. 1918.

י. ענטין — יעקב גאָרדינס אַן אַלטע פּיעסע אין טהאָמאַשעווסקי'ס טהעאַטער, „דיא וואַרהייט“, נ. י., 3 דעצ. 1918.

א. גלאַנץ — שפּענדלעך פון אַ דראַמאַטורג'ס ווערקשטעל, „דער טאָג“,

נ. י., 3 מערץ 1918.
Isaac Goldberg—„The Drama of Transition," Cincinnati, 1922, pp. 356-65.

ס. דינגאָל — יעקב פּ. אַדלער, „טא'ק", לאָדזש, 1, 1922.

יואל ענטין — געהט דער אידישער טעאַטער אין פאָראויס אָדער צוריק?, „דער טאָג", נ. י. 23 נאָוועמבער 1924.

גרשם באַדער — צוריק צו גאָרדין, „יודטגב"ל", נ. י., 14 נאָוו. 1924.

שכנא עפּשטיין — צו יעקב גאָרדין'ס 15טן יאָרצייט, „פרייהייט", נ. י. 13 יוני 1924.

נח פּרילוצקי — יעקב גאָרדין, „יידישע בינע", וואַרשע, 3, 1924.

בערטאַ קאַליש — (זכרונות), „דער טאָג", נ. י., 30 סעפּט. 4, 24 אָקט. 1925.

פּ. מ. — „קוימענקערער" אין אידישן אוקראַאינישן מלוכה-טעאַטער. „פרייהייט", נ. י., 6 נאָוו. 1926.

אב. קאהאן — דער אידישער טעאַטער פאַר 30 יאָהרען און היינט, „פאָרוו.", 24 אַפּריל 1927.

וו. פעלין — יעקב גאָרדין דער „ביבלייעץ", „פרימאָרגען", ריגע, יאַנואַר 1927.

אב. קאהאן — „גאָט, מענש און טייוועל — איבערגעמאַכט, „פאָרוו.", נ. י. 25 דעצ. 1928.

א. גלאַנץ — גאָט, מענש און שוואַרץ, „דער טאָג", נ. י. 27 דעצ. 1928.

נ. בוכוואַלד — אינטערעסאַנטע אויפפירונג פון גאָרדין'ס „גאָט מענטש און טייוול" אין אידישען קונסט טעאַטער „פרייהייט", נ. י. 28 דעצ. 1928.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג", ווילנע, 1928, זז. 118-139.

יואל ענטין — יעקב גאָרדין, „טעאַטער-בוך לכבוד דער נייער היים פון אידישן קונסט טעאַטער, ניו-יאָרק, 1928-29, זז. 33-36.

ז. קאָרנבליטה — „די דראַמאַטישע קונסט", נ. י. 1928, זז. 89, 154-57, 189-90.

אב. קאהאן — „בלעטער פון מיין לעבען", III, זז. 186-194, 460-461. IV, זז. 253-54, 344-377, 383-397, 518-529, 571-578.

ש. יאַנאָווסקי — די ערשטע 20 יאָר „פרייע אַרבייטער שטימע", „פא"ש", נ. י. יאַנואַר, 1 פעברואַר, 5 אַפּריל, 1929.

יעקב גאָרדין — אַ בריף פון יעקב גאָרדין, „מאָמענט, וואַרשע, 28 יוני 1928.

י. ענטין — דער איצטיגער טעאַטער-סעזאָן, „צוקונפט", פעברואַר 1929.

קלמן מרמר — יעקב גאָרדין, „פרייהייט", נ. י. 8 יוני 1929.

י. דאָנקין — „מירעלע אפרת" אין שטאָט-טעאַטער, „נייער פאָלקס-בלאַט", לאָדזש, 13 יוני 1929.

באָריס טאָמאַשעווסקי — באָריס טאָמאַשעווסקיס זכרונות פון אידישען טעאַטער, „קאַליפ. איד. שטימע", 19 אַפּריל 1929.

יואל ענטין — יעקב גאָרדינ'ס פלאַץ אַלץ לוידיג צוואַנציג יאָהר נאָך זיין טויט, „דער טאָג", נ. י. 11 יוני 1929.

גרשם באַדער — אלישע בן אבויה — אחר, „מאזש", נ. י., 1 דעצ. 1929.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו", זז. 348, 349, 358, 359, 366, 370, 371, 378, 386, 396.

י. ש. — מאָריס ראָזענפעלדס אַ סאַטירישער דיאַלאָג אויף דעם יידישן טעאַטער, „אַרכיוו" זז. 448-9.

אַנ'אַלטער טעאַטראַל — דער „יודישער קעניג ליר" אין לאָדזער פּוילישען טעאַטער „לאָדזטגב", לאָדזש, 27 יוני 1930.

דר. מ. וויינרייך — יעקב גאָרדינ'ס „מירעלע עפראָס" אויף דער פּוילישער ביהנע, „פאָרוו.", 18 מאַי 1930.

עמיליע אַדלער — דאָס לעבען פון אַ אידישער אַקטריסע, „די אידישע וועלט", קליוולאַנד, 22, 26 אויגוסט, 2 סעפּט. 1930.

משה שמש — יעקב גאָרדאָנ'ס גאָט, מענש און טייוועל מיט 25 יאָהר צוריק און היינט, „די אידישע בעקער שטימע", נ. י. 4 יאַנואַר 1930.

מ. אָשעראָוויטש — „דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד", נ. י., 1930, זז. 117-123.

גאַרטעלעוויטש, יעקב

געב. 1881 אין באָטקע, גראָדנער גוב., פּויליש-ליטע. אין עלטער פון 9 יאָר אָנגעהויבן זינגען אין ביאַליסטאָק ביי משה באַס, שפּעטער ביי ניימאַן אין פאָלקאָוואָי בית-המדרש, ביי נח לידער און ביי ראַזומני אין אָדעס.

אין 1898 טרעט ער אויף צום ערשטן מאָל אויף דער יידישער בינע אונטער דער די־רעקציע פון ראַבינאָוויטש אין דער ראָל „מאַרקוס" פון גאָלדפאַדענס „באָבע יאַכנע". שפּעטער טרעט ער אַריין אין פישזאָנס טרופּע אַלס כאָריסט, וואו ער בלייבט 2 יאָר. פון דאָרט גייט ער אַריבער צו בערנשטיינען אַלס אַקטיאָר. נאָך אַ יאָר טרעט ער אַריין צו גענפערן, וואו ער שפּילט 2 יאָר, און דערנאָך ווערט ער אַליין אויף אַ יאָר צייט דירעקטאָר איבער אַ טרופּע, וואָס שפּילט אין בעסאַראַביע. פון דאָרט פאָרט ער קיין וואַרשע און שפּילט 6 חדשים ביי קאָמפּאַנעיעץ, שפּעטער אַ יאָר ביי טיטעלמאַן און כעם אַדלער, דערנאָך ווערט ער ווידער דירעקטאָר איבער אַ טרופּע אַ יאָר צייט אין פּאָלטאַווער גובערניע, און פאָרט קיין לאָדזש, וואו ער שפּילט פיר יאָר אונטער דער דירעקציע פון זאַנדבערגן. ג. טרעט דאַן אַריין אין וואַרשע צו ראַפּעלן, וואו ער שפּילט פיר יאָר און דערנאָך צוויי יאָר מיט קלאַראַ יאַנג.

אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה שפּילט ג. אין קיעוו און אין דער סביבה, מיטמאַכנדיק די שווערע צייט פון פּאָגראָמען. ער קומט דערנאָך צוריק אין לאָדזש, וואו ער שפּילט אַ יאָר צייט און פאָרט אָפּ אין 1923 קיין אַמעריקע, וואו ער שפּילט פון צייט צו צייט.

ש. ע.

גאַרטענשטיין, יעקב

[האַרטענשטיין]

האָט געשפּילט יידיש טעאַטער נאָך מיט נפתלי גאָלדפאַדען און דערנאָך געווען אייניקע יאָר דירעקטאָר אין בערדיטשעוו. שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. אין 1880 געהאַט אַ טרופּע אין פילאַדעלפיע. אין 1888 האָט אים טאָמאַשעווסקי געבראַכט אין באַלטימאָר, און ג. האָט צו זיין ערשטן אויפטריט גענומען דעקלאַמירן פון „די באָבע מיטן אייניקל" און געהאַט אַ גרויסן דורכפאַל ווייל דאָס פּובליקום האָט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זינגען, בעת ער איז ניט געווען קיין זינגער. אין 1900 האָט ג. געהאַלטן אַ ביר-סאַלון אין פילאַדעלפיע.

ג. איז געווען אַן אינטעליגענט און האָט באַהערשט אייניקע שפּראַכן. געווען פּרעזידענט פון „שפּינאָזאַ לאָדזש 23" אין שיקאַגאָ און האָט קאַנדידירט אַלס קאָנגרעסמאַן פון שיקאַגאָ. אין 1917 איז ג. געוואָרן דאָקטאָר אין שיקאַגאָ, און אייניקע יאָר שפּעטער איז ער דאָרט געשטאָרבן.

מ. ע. פון ב. טאָמאַשעווסקי, יעקב קאַצמאַן, משה שאָר, מאַקס ראָזענטאַל, בינע אַבראַמאָוויטש און צעזאַר גרינבערג.

ב. גארין — „געש. איד. טעאַט.", I. ז. 199.

בעסי טאָמאַשעווסקי — מיין לעבענס-געשיכטע, זז. 47, 101-102.

גאָרין, ב.

[יצחק גוידא-הוידא]

[געב. 13 אַפּריל 1868 — געשט. 13 אַפּריל 1925]

געב. 13 אַפּריל 1868 אין לידע, ווילנער גוב., פּויליש-ליטע, ביי פרומע בעל-הביתישע עלטערן — קרעמער. ביז 13 יאָר האָט ג. געלערנט אין חדרים, דערנאָך צוזאַמען מיט עטלעכע חברים אַוועקגעפאָרן אין מירער ישיבה, ער איז אָבער דאָרט געווען נאָר אַ קורצע צייט און האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים, וואו ער האָט זיך גענומען צו אַלגעמיינער בילדונג, פריער אין אַ קרויניש-יידישער שול און דערנאָך ביי פּריוואַטע לערער.

אין עלטער פון 16 יאָר איז ער געקומען קיין ווילנע אַריינצוטרעטן אין יידישן לערער-אינסטיטוט, אָבער ער האָט זיך באַקענט מיט אייזיק-מאיר דיק, און יענער האָט אים אָפּגעשלאָגן דעם חשק דערפון. ג. איז דאָ געבליבן איייניקע יאָר, געלעבט פון געבן שטונדן און זיך אַליין ווייטער פלייסיק געלערנט.

אַרום 1889 אָנגעהויבן שרייבן אין „הויז-פריינד“, „יודישע ביבליאָטעק“, אַרויסגעגעבן קליינע דערציילונגען, איבערזעצט דיקענסעס ראָמאַן „דוד קאָפּערפילד“, און איז אין האַרבסט 1894 אַוועקגעפאָרן קיין ניו-יאָרק, וואו ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון די סאָציאַליסטישע „אַרבייטער צייטונג“ און „אָווענד-בלאַט“ און פאַרעפנטלעכט דאָרט 2-3 סקיצן אַ וואָך. גלייכצייטיק האָט ער אין דער „צוקונפט“ געשריבן איבער יידישער ליטעראַטור און טעאַטער.

אין 1897 איז ג. געוואָרן טעאַטער-קריטיקער פון „אָווענד-בלאַט“.

דעם 1 אָקטאָבער 1901 האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין ניו-יאָרק דעם „טהעאַטער זשורנאַל“ (ערשיינט איין מאָל אין צוויי וואָכן. ב. גאָרין רעדאַקטאָר), אַ זשורנאַל געווידמעט ספּעציעל טעאַטער. דער זשורנאַל, אין געוויינלעכן בוך-פאָרמאַט, איז דערשינען אין 14 נומערן (5 סענט אַ נומער), און אין אים האָט ג. אַליין פאַרעפנטלעכט זייער פיל אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער, וועגן יידישע דראַמאַטורגן און וועגן דער טעאַטער-קונסט און דראַמאַטורגיע בכלל. אויסער דעם זיינען אין די 14 נומערן געוואָרן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען פון א. גאָלדפאַדען, א. טאַנענבוים, א. האַרקאַווי, ב. טאָמאַשעווסקי, ס. טאַרנבערג, און אַ ניט-פאַרענדיקטע אויטאָביאָגראַפיע פון יעקב פּ. אדלער.

דעם 15 אַפּריל 1902 איז דערשינען דער לעצטער נומער פון דאָזיקן זשורנאַל, און ג., וועלכער האָט מיט די לעצטע כחות אים געוואָלט דערהאַלטן, האָט געמוזט מאַכן אַן הפסקה ביז דעם 15טן אָקטאָבער פון זעלבן יאָר, ווען ער האָט ווידער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין זשורנאַל-פאָרמאַט „טהעאַטער זשורנאַל און פאַמיליען פריינד“ [דערשיינט יעדן מיטוואָך. אויף ענגליש איז אָנגעגעבן, אַז ב. גאָרין איז רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער.] דער זשורנאַל האָט געהאַט אין יעדן נומער אַ בילד פון אַ שריפטשטעלער אָדער אַ שוישפּילער אויף דער ערשטער זייט, און האָט נאָר געקאָסט 3 סענט אַ נומער אין ניו-יאָרק.

אין דעם פאָרוואָרט ווערט געזאָגט, אַז מיט דעם נומער הויבט זיך אָן דער 2טער יאָרגאַנג פון דעם „טעאַטער זשורנאַל“, נאָר דערביי קומט פאָר אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין זיין אינהאַלט און אין זיין דערשיינונג. אנשטאָט דעם, וואָס ביז איצט איז דער זשורנאַל געווען געווידמעט ספּעציעל דעם טעאַטער, ווערט ער איצט אַ זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, דראַמע און אַלגעמיינע נוצלעכע ידיעות, און אנשטאָט דעם, וואָס ביז איצט איז ער דערשינען 1 מאָל אין 2 וואָכן דערשיינט ער איצט וואָכנטלעך.

„דער זשורנאַל וועט אָנווענדן אַלע כחות צו באַקעמפן אַלץ וואָס איז געשמאַקלאָז, אַלץ וואָס איז עקלהאַפט, אַלץ וואָס האָט קיין טעם און קיין ריח אין דער יידישער ליטעראַטור און אויף דער יידישער בינע“.

דער זשורנאַל האָט זיך געשאַפן אַ סך שונאים און קעגנער אין דער יידישער טעאַטער-וועלט.

דער זשורנאַל גיט שוין אָפּ ווייניק פּלאַץ פאַר טעאַטער און דרוקט נאָר טעאַטער-רעצענזיעס. פון נומער 7 מוז ער ווידער איבערגיין אין אַ 2-וואָכנבלאַט, אָבער מער ווי 11 נומערן דערשיינען ניט. אין די נומערן 8-9 דרוקט ג. אָפּ זיין באַאַרבעטונג פון טשעכאָווס דראַמאַטישן עטיוד „דער שוואַנענגעזאַנג“ [ניט אָנגעבנדיק דעם נאָמען פון מחבר].

דערנאָך הויבט ג. אָן מיטצואַרבעטן אין „פאָרווערטס“, „פריינט“ און זייט 1906 (מיט אַן הפסקה פון 1908, ווען ער איז געווען רעדאַקטאָר פון „אידישען פאַרמער“) איז ער אַ כסדרדיקער מיטאַרבעטער אין „מאָרגען זשורנאַל“, וואו אויסער אַנדערע ליטעראַרישע אַרבעטן פאַרעפנטלעכט ער זייט 1913 זייער פיל רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער. ג. גיט אַרויס פיל אָריגינעלע און איבערזעצטע ביכער, צווישן זיי אַ בוך מיט אינהאַלטן פון די דראַמען פון די באַרימטסטע וועלט-דראַמאַטורגן.

ג. האָט זיך ספּעציאַליזירט אויפן געביט פון טעאַטער-קריטיק און האָט אין משך פון 30 יאָר ערלעך און שטיל געקעמפט פאַר אַ ריינעם לעבנס-טרייען רעאַליזם אויף דער יידישער בינע. זייענדיק אַזוי נאָנט מיט די יידישע אַקטיאָרן, האָט ער גענומען אויך פּרובן זיינע כחות אויפן דראַמאַטישן פעלד, און אַזוי האָט ער אָנגעשריבן פאָלגנדיקע פּיעסן:

„דער ווילנער בעל-הביתל“, דראַמע אין 4 אַקטן (1898), וואָס האָט ניט קיין שייכות צום היסטאָרישן ווילנער בעל-הביתל, זי באַהאַנדלט אָבער אַן ענלעכן סוזשעט. די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן אין מערץ 1898 אין ניו-יאָרק [די פּיעסע האָט ביים מחבר געהייסן „אַלטער דער זינגער“, נאָר קעסלער, וועלכער האָט זי אויפגעפירט, האָט געענדערט דעם נאָמען].

„ברוך שפּינאָזאַ“, דראַמע אין 4 אַקטן (אויפגעפירט אין 1902, נאָר 1 מאָל דורך טאָמאַשעווסקין צו זיין בענעפיס) — אַ דראַמאַטיזירונג פון בערטאָלד אויערבאַכס ראָמאַן, וועלכן ג. האָט אויך איבערזעצט אויף יידיש.

„אַ באַראָן אויף אַ נאַכט“ [אין גאָרינס „רשימה פון פּיעסן“ גערופן „אַ באַראָן אויף אַ טאָג“], קאָמעדיע אין 4 אַקטן, (אויפגעפירט אין 1912 אין נאָוועלטי טעאַטער דורך שילדקרויטן), אַדאַפּטירט פון הויפּטמאַנס „שלוק און יאַאו“.

„אין יעדן הויז“, קאָמעדיע אין 4 אַקטן, (אויפגעפירט 4 דעצ., 1924 אין קונסט-טעאַטער צו ג.׳ס 30 יאָריקן ליטעראַרישן יובילעאום). אין דער דאָזיקער קאָמעדיע באַרירט ער דאָס פּראָבלעם פון די באַציאונגען צווישן עלטערן און קינדער אין דער אַמעריקאַנער יידישער פאַמיליע.

אין 1917 איז דורך ג.׳ס איניציאַטיוו א״ר פון מאַקס געביל אויפגעפירט געוואָרן אהרן וואָלפזאָנס קאָמעדיע „לייכטזין און פרעמעליי“ (ברעסלוי תק״נו), 120 יאָר נאָך איר דערשיינען, א״נ „דער צבועק“, באַאַרבעט פון ב. גאָרין.

אין 1918 איז אין קעסלערס סעקאָנד עוועניו-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ג.׳ס באַאַרבעטונג פון מענדעלים „דער פּריזיוו“.

אויסער דעם האָט ג. געשריבן פאָלגענדע פּיעסן, וועלכע זיינען ניט אויפגעפירט געוואָרן: „לעבעדיקע קייטן" אַ דראַמע אין 4 אַקטן פון ניו-יאָרקער יידישן לעבן. „יצחק פון יאָרק", היסטאָרישע דראַמע אין 5 אַקטן (אַדאַפּטירט פון וואַלטער סקאָטס „אייוועַנהאָו"), „דער קאָרטן שפּילער", (אַדאַפּטירט פון טשאַרלז דיקענסעס „אָלד קיוריאָזיטי שאָפּ"), „זאַמד", אַן אָריגינעלע דראַמע אין 4 אַקטן פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן.

אויב אָבער מיט די דראַמאַטישע פּיעסן האָט ג. ניט באַוויזן צו שאַפן זיך אַ ספּעציעל אָרט אין דער געשיכטע פון דער יידישער דראַמע, האָט ער זיך אָבער דערוואָרבן אַן אנגעזעענעם נאָמען דורך זיין בוך אין 2 טיילן „די געשיכטע פון אידישען טהעאטער" — „צוויי טויזענט יאָהר טהעאַטער ביי אידען" (ניו-יאָרק 1918, ניו-יאָרק 1921, 2טע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע, אילוסטרירט, פ"ג מאַקס מייזעל, ניו-יאָרק, I, זז. 256, II, זז. 282), אַ ווערק, וועלכעס, טראָץ געוויסע טעותים (זע דר' שיפּערס בוך „געשיכטע פון יידישער טעאַטער-קונסט" און דר' שאַצקיס רעצענזיע אין „דאָס נייע לעבן", ניו-יאָרק, 10-12, 1923), און אויך ניט קוקנדיק דערויף וואָס עס באַזיצט ניט די ספּעציעלע מעלות פון אַ היסטאָריש ווערק, באַווייזט עס אָבער דאָך אויף אַן אומגעהויערער אומדערמידלעכער און איבערגעבענער אַרבעט.

זעענדיק ווי די אַלטע פּיאָנערן פון יידישן טעאַטער שטאַרבן אויס, פילנדיק די גרויסע אחריות, וועלכע ליגט אויף דעם, וואָס קען ראַטעווען פון אייביקער פאַרגעסנהייט די נעמען און טעטיגקייט פון די גרינדער און שפּעטערדיקע אַנטוויקלער פון דער יידישער בינע און טעאַטער-קונסט, האָט גאָרין געזאַמלט אין משך פון 30 יאָר אינפאָרמאַציעס ביים עלטערן דור אַקטיאָרן, און אויך פאַרנאָטירט די לויפנדע געשעענישן, און זיי אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן אין דער פאָרם פון קאַפּיטלעך געשיכטע אין דער „צוקונפט" (1913—1916) „אַמעריקאַנער", „מאָרגען זשורנאַל", און אויף ענגליש אין „ניו-יאָרק איווינינג פּאָסט", „ווערנערס מאַגאַזין", „טעאַטער-מאַגאַזין" און „ניו-יאָרק טריביון". שפּעטער האָט ער די דאָזיקע קאַפּיטלעך סיסטעמאַטיזירט און זיי אַרויסגעגעבן אין אויבנדערמאָנטן בוך, וואָס באַהאַנדלט אייגנטלעך נאָר אויספירלעך די געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, אָפּגעבנדיק אַ קליינעם פּלאַץ דער יידישער טעאַטער-געשיכטע אין רוסלאַנד און פּוילן.

אויסער דער „געשיכטע" האָט ב. גאָרין צום סוף פון זיין ווערק סאָרטירט אַ רשימה פון 2000 פּיעסן מיט דאַטן פון זייער דערשיינונג אָדער ערשטער אויפפירונג אויף דער יידישער בינע.

ווען מען נעמט אין אַכט, אַז ג. האָט געשאַפן אַ יש מאַין, אַ בנין כמעט אָן שום פריערדיקע יסודות, ווערט ערשט קלאָרער די באַדייטונג פון זיין גרויס געשאַפן ווערק.

וועגן דער „טעאַטער-געשיכטע" זיינען דערשינען רעצענזיעס אין אַלע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן, און אויך אין די ענגלישע צייטשריפטן „בוקמען", „טריביון", „קריסטשען מאָניטאָר" און „באָסטאָן טראַנסקריפּט".

אַ באַזונדערס אויספירלעכע רעצענזיע האָט פאַרעפנטלעכט ראובן בריינין אין „טאָג" פון 30 דעצ. 1923 און 6 יאַנ. 1924.

ג. האָט אויך איבערגעלאָזט אַרטיקלען און קריטיק איבער טעאַטער, געדרוקט און ניט-געדרוקט מאַטעריאַל פאַר נאָך 2 טיילן געשיכטע פון טעאַטער, וועלכע ער האָט באַשטימט צו רופן „דרייסיק יאָר געשיכטע פון יידישן טעאַטער".

דעם 13 אַפּר. 1925 איז ג. געשטאָרבן און געבראַכט געוואָרן צו זיין אייביקער רו אויפן הר הכרמל פון „אַרבעטער רינג", אין ניו-יאָרק.

שוואַרץ האָט באַערט זיין אָנדענקן מיטן אויפהייבנגען זיין בילד אין פּאַיע פון יידישן קונסט-טעאַטער.

אין 1927 האָט די אַלמנה, עליזאַבעט, אַרויסגעגעבן 3 בענדער פון זיינע געזאַמלטע שריפטן מיט אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע.

ש. ע. פון פרוי ע. גאָרין.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט."‏, I, זז. 531-37.

ב. גאָרין — די ערשטע אידישע דראַמע, „דער טאָג", נ. י. 27 יאַנואַר 1917.

י. ענטין — די ערשטע היסטאָריע פון אידישען טהעאַטער, „דיא וואַרהייט", 27 אָקטאָבער 1918.

דר. י. שאַצקי — צוויי טויזנט יאָר אידיש טעאַטער, „דאָס נייע לעבן", נ. י., אויגוסט 1923.

ב. גאָרין — אַ בריוו פון ב. גאָרין, „דאָס נייע לעבן", נ. י. 11, 1923.

דר. י. שאַצקי [ענטפער צו ב. גאָרין] „דאָס נייע לעבן", נ. י., סעפּט. 1923.

נ. ב. לינדער — ב. גאָרינ'ס אָוונט אין דעם אידישען קונסט טעאַטער, „דער טאָג", נ. י. 28 נאָוועמבער 1924.

ל. ס. ביעלי — גאָרינ'ס „אין יעדען הויז", „יודטג'בל", נ י., 12 דעצ. 1924.

אַלף-אַלף — אַ יום טוב פאַר אידישער טעאַטער קריטיק, מאָז"ש", נ. י., 28 נאָוו. 1924.

אַב. קאַהאַן — אַ פּיעסע פון ב. גאָרין אין שוואַרץ'ס טהעאַטער, „פאָרוו."‏, נ. י. 17 דעצ. 1924.

הלל ראָגאָף — „די געשיכטע פון אידישען טהעאַטער", „פאָרוו."‏, 24 פעברואַר 1924.

אפרים אויערבאַך — גאָרינ'ס ווינקעלע, „מאָ"זש", 17 אַפּריל 1925.

יואל ענטין — ב. גאָרין, דער פאַרשטאָרבענער בעלעטריסט און טעאַטער-קריטיקער, „צוקונפט", מאַי 1925.

ב. גאָרין — אַ בריוו פון ב' גאָרין, „דאָס נייע לעבן", נ. י. 11, 1923.

דר. א. מוקדוני — „טעאַטער", ניו-יאָרק, 1927, זז. 84-178.

ל. קוסמאַן — דער קלאַסיקער אין דער טעאַטער קריטיק, „מאָ"זש", נ. י. 16 אַפּריל 1926.

יעקב מעסטעל — טעאַטער ביכער, „מאָרגן-פרייהייט", 8 יולי, 1929.

דר. יצחק שיפּער — „געשיכטע פון יידישער טעאַטער-קונסט".

גאַריעלאָוו, אליעזר

געב. 20 נאָוו. 1890 אין מאָסקווע, רוסלאַנד. פּאָעטער — אַ לערער. שטודירט אין וואַרשע, און געענדיקט אַ מיטלשול. נאָך אין דער שול זיך אינטערעסירט מיטן יידישן טעאַטער, און אין 1919 געוואָרן סעקרעטער פון יידישן אַרטיסטן-פאַריין אין פּוילן. פאַרעפנטלעכט אייניקע אַרטיקלען אין דעם פאַראיינס-אָרגאַן און אויך אין דער פּעריאָדישער פּרעסע, דערנאָך פאַרוואַלטעט מיט אַ יידישער טרופּע אין קראָקע, און אין 1927 געוואָרן פאַרוואַלטער ביי דער „ווילנער טרופּע".

מ. ע.

גאַרפינקעל, אשר

[געב... — געשט...]

געבוירן אין יעליסאַוועטגראַד, [?] אוקראַאינע, ביי רייכע עלטערן — באַזיצער פון אַ גרויס שוך-געשעפט, אין וועלכן ג. איז געווען פאַרוואַלטער. באַקענט זיך מיט יידישע אַקטיאָרן און ווערט צוגעבונדן צום טעאַטער אַזוי, אַז ער פאַרלאָזט די היים, און פאָרט מיט קאָמפּאַניעען אַלס פאַרוואַלטער פון זיין טרופּע. פלעגט אויך טיילמאָל „אַריינכאַפּן" אַ ראָל, באַזונדערס האָט אים גע-

פאַסט פאַר זיין פיזיאָנאָמיע — „חאַצקעל" אין שמ"רס „בעל-תשובה".

יוליוס גוטמאַן גיט איבער, אַז ג. פלעגט אימפּאָרטירן יידישע אַקטיאָרן פון גאַליציע אין אונגאַרן, וואו ער האָט אונטער דער קאָנצעסיע פון אַ וואַריעטע-טעאַטער געשפּילט פּיעסן, ניט אַראָפּלאָזנדיק דעם פאָרהאַנג צווישן די אַקטן. אין די דאָזיקע פאָרשטעלונגען פלעגט ער אויך אַמאָל אַליין זיך באַטייליקן.

ג. איז געשטאָרבן אין אונגאַרן.

מ. ע. פון א. ג. קאָמפּאַנעיעץ, ל. זאַסלאַווסקי און יוליוס גוטמאַן.

גודינסקאַ, בעלאַ

געב. 24 יולי 1877 אין סוואַלק, פּוילן. פאָטער — אייגנטימער פון אַ קליינער שול, אין וועלכער ער לערנט אַליין העברעאיש, פּויליש און דייטש. אַ משכּיל, טראַדיציאָנעל. אין 1880 שטאַרבט ג.'ס מוטער, און איר שטיפמוטער, זייער אַ פרומע, גיט איר אַ רעליגיעזע דערציאונג. ג. האָט געלערנט אין חדר, און געאַרבעט ביי אַ נייטאָרין, ביז אַ מומע רופט זי אַרויס קיין אַמעריקע, וואוהין ג. פאָרט מיט אַן עלטערער שוועסטער. דאָ ווערט ג. אַ שניידערין און לערנט זיך אין אָוונט-שול. דורך אירע חברטעס ווערט זי אַריינגעפירט אין גאָלדפאַדען-קלאַב, וואָס פירט אויף גאָלדפאַדענס אָפּערעטן. דאָ האָט זי אָבער ניט קיין מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן, ווייל זי האָט ניט קיין שטים. ערשט ווען זי ווערט אַ מיטגליד אין „גאָלדפאַדען יאַנג דראַמאַטיק-קלאַב" (רעזשי צעזאַר גרינבערג), דעקלאַמירט זי דאָרט און דאָס דערמעגלעכט איר אויפצוטרעטן אין אָריענטאַל-טעאַטער אַלס „די טאָכטער" אין פיינמאַנס „דעם פאָטערס קללה". זייט דאַמאָלט טרעט זי אויף אין פאַרשיידענע קלובן ביז קעסלער זעט זי שפּילן די „גרעפין" אין דער פּיעסע „די גרעפין אַלס בעטלערין" און רעקאָמענדירט זי אין טעאַטער. אָבער אַ געוויסע צייט מוז זי בלייבן אין כאָר, ביז אַדלער גיט איר אַ קליינע ראָל אין דער „עקדה", און ערשט ווען זי פאַרטרעט אין דער פּיעסע „שומר ישראל" די קראַנק געוואָרענע דיינע פיינמאַן, ווערט ג. אַרויסגענומען פון כאָר, און אַנגאַזשירט אַלס אַקטריסע.

17 יאָר שפּילט ג. אונטער עדעלשטייןס מענעדזשמענט מיט אַדלער, קעסלער, טאָמאַשעווסקי, מאָשקאָוויטש, מאָגולעסקאָ און קאַליש. צוערשט דראַמאַטישע ראָלן, דערנאָך מוטער און אינטריגאַנטן-ראָלן.

נאָך אַ לענגערער הפסקה שפּילט ג. אין 1928 אַ קורצע צייט אויף ענגליש אין דער קאָמעדיע „איט איס טו לעף".

מ. ע.

גודמאַן, בעסי

געב. 1885 אין דיבנע, אוקראַאינע. פאָטער — אַ מאָדעל-צייכנער, וועלכער וואַנדערט אויס מיט פאַמיליע קיין אַמעריקע. דאָ ענדיקט ג. פּאָבליק און האַי-סקול און אַן ענגלישע דראַמאַטישע שול. אין 1904 טרעט ג. אויף צום ערשטן מאָל מיט „ליבהאָבער" אַלס „יהודית" אין „אַקאָסטאַ". יעקב זילבערט זעט זי שפּילן און אַנגאַזשירט זי צו זיך אין טרופּע אין באָסטאָן, דערנאָך שפּילט ג. אין פאַרשיידענע פּראָווינץ-שטעט, און נאָך איר חתונה מיט

יצחק זאָלאָטאַרעווסקי — אין איר מאַנס טרופּעס.

צוליב קראַנקהייט האָט זייט 1914 ג. זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע.

מ. ע. פון יצחק זאָלאָטאַרעווסקי.

גודעלמאַן, הערש

געבוירן 15 אַפּריל 1892 אין אָטיק, בעסאַראַביע. פאָטער — באַזיצער פון אַ רוסישער שול. געלערנט ביים פאָטער און ביי אַ העברעאישן לערער, דערנאָך געענדיקט די שטאָטישע רעגירונגס-שול. 1905 — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו זיין עלטערער ברודער, דער סקולפּטאָר אהרן ג., איז שוין געווען פון פריער. דאָ באַטייליקט זיך ג. זייט 1908 מיט לידער אין פאַרשיידענע יידישע פעריאָדישע אויסגאַבן און האָט שפּעטער אויך אַליין אַרויסגעגעבן זשורנאַלן און אַ בוך לידער.

ג. האָט געשריבן 2 פּיעסן : „די מוזינקע" (אויפגעפירט אין 1910) און די קאָמעדיע „צערונענע חלומות". 1926-7 — האָט ג. אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט אין ניו-יאָרק אַ צוויי-וואָכנבלאַט „דער טעאַטער-שטערן" (דערשינען 6 נומערן).

ז. רייזען — „לעקס. ייד. טעאַט." I, זז. 242-3.

גוטאָוויטש, מערי

[מיליע ציפּקוס]

געבוירן אין אומאַן, אוקראַאינע. פאָטער — דער אַקטיאָר יעקב ציפּקוס. אין עלטער פון 7 יאָר אָנגעהויבן זינגען אין וואַרשע, צוזאַמען מיט איר ברודער מישע, דועטן אין די יידישע אָפּערעטן, דערנאָך אַרומגעפאָרן איבער פּוילן.

אין עלטער פון 15 יאָר גענומען שפּילן דערוואַקסענע ראָלן אין ראַפּעלס טרופּע אין אָדעס.

אין רוסלאַנד האָט ג. אויך געשפּילט רוסיש מיט די ברידער קאָכאַנסקי.

נאָך אַ טורנע איבער פּוילן און רומעניע, אויסגעוואַנדערט 1926 קיין אַרגענטינע, וואו זי שפּילט אין די דאָרטיקע טרופּעס.

ש. ע. פון י. מ. וואַרשאַווסקי און יעקב ציפּקוס.

גוטמאַן, [?]

געבוירן אין וואַרשע, פּוילן, אין אַן אינטעליגענטער פאַמיליע. געענדיקט אַ מיטל-שול. געוואָרן פאַרוואַלטער און סופלער ביי שליפערשטיינען, אין 1892 — סופלער אין וואַרשע ביי ווייספעלדן, דערנאָך סופלער און קאַסיר ביי קאַמינסקי, קאַמינסקי-פּישזאָן, און קאַסיר און געהילף-פאַרוואַלטער ביי זאַנדבערגן אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער.

אין קריגס-צייט האָט ג. אויסגעוואַנדערט קיין רוסלאַנד, וואו ער איז געווען קאַסיר ביי ראַפּעלן אין אָדעס. אין 1915 איז ג., זיצנדיק אין דער קאַסע, פּלוצלונג געשטאָרבן.

מ. ע. פון שלמה קרויזע, מ. בודקין און איסר בעזמאַן.

אסתר רחל קאַמינסקאַ — (זכרונות) „מאָמענט", 22 סעפּט. 1926.

מ. מיאַדאָוויק — מיינע טעאַטער זיכרוינעס, „דער שטערן", מינסק, 2-3, 1926.

גוטמאַן, חיים

געב. 24 סעפּט. 1894 אין פאַלעשט, בעסאַראַביע. פאָטער — אַ שטובנמאָלער. ביז צו 14 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך געלערנט ביז 19 יאָר אין בעלצער ישיבה, וואו ער ליידט הונגער און נויט, און אַנטלויפט אין 1915 מיט נאָך 2 חברים קיין אָדעס. דאָ אַרבעט ג. 6 חדשים אין אַן אַמוניציע־פאַבריק ביז ער ווערט סופלער און פּיעסן־איבערשרייבער אין קאַריקס טרופּע. 2 חדשים שפּעטער פאַרטרעט ער דעם אַקטיאָר קייזעראָוויטש, און בלייבט שוין זייט דאַמאָלט אַלס אַקטיאָר אין דער טרופּע, וועלכע פאָרט דערנאָך קיין קעשעניעוו. נאָכדעם ווי בעסאַראַביע ווערט פאַראייניקט מיט רומעניע, טרעט ג. אַריין אין איציקל גאָלדענבערגס טרופּע, דערנאָך אין די טרופּעס פון אשכנזי, זיגלער, פּישזאָן, קאָמפּאַנעיעץ, ווילנער אָפּערעטן־טרופּע און סוף 1928 אין זיגלערס טרופּע.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער־קאָמיקער.

ש. ע.

גוטמאַן, יוליוס [יידל]

[יהודה יוסף]

געבוירן אין לעמבערג, מזרח־גאַליציע, ביי עלטערן — בעקערס. ברודער פון לעמבערגער אויבער־ראַבינער דר. שמואל גוטמאַן.

ביז 10 יאָר געלערנט אין לעמבערגער בתי־מדרשים און דערנאָך אין ישיבות. פּריוואַט געלערנט למודי־חוץ און זיך מפרנס געווען פון שרייבן קאָרעספּאָנדענץ און חשבונות ביי סוחרים. דערנאָך געווען 2 יאָר אַ בוכהאַלטער אין אַ הוט־געשעפט. אַלס מיטגליד פון ציוניסטישן פאַריין "מקרא קודש" האָט ג. די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די אַקטיאָרן זיגמונט שאָר, ווײַנשטאָק און עסקרייז, וועלכע פלעגן אַריינקומען אין יענעם פאַריין און אונטער זייער השפּעה טרעט ער אַריין אין 1891 אין יידישן טעאַטער אַלס ראָלן־שרייבער און סצענאַריוס. דערנאָך גיט אים איבער דער דאַמאָלטדיקער סופלער בערנאַרד ווילענסקי צו סופלירן, און ווען ס'פעלט אויס אַ ראָליסט, פאַרטרעט ג. דעם אַקטיאָר. ערשט נאָך צוויבעלס אויפפירונג פון גאָרדינס „געברידער לוריע“ אין וועלכער ג. שפּילט דעם „אַלטן רב“, בלייבט ער שוין אין דער טרופּע בלויז אַלס אַקטיאָר.

אין משך פון 20 יאָר איז ג. אַקטיאָר און רעזשיסער אין לעמבערג (גימפּעלס טרופּע), וואו ער האָט דערצויגן דעם יונגן דור גאַליציש־יידישע אַקטיאָרן. ער האָט אויך געשפּילט אין ווין, בודאַפּעסט, רומעניע, דייטשלאַנד און ענגלאַנד.

ג. איז געווען אַ מיטגרינדער פון „גאָלדפאַדען־פאַריין“ אין לעמבערג.

אין 1928 האָט ג. געשפּילט 8 חדשים אין דער דייטשער פילם־געזעלשאַפט „פעבוס“ אין בערלין.

ג. האָט פאַרעפנטלעכט אין לעמבערגער „טאַגבלאַט“ זכרונות וועגן משה ריכטער.

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II. ז. 147.

גוטמאַן, ישעיה

[זע פינקעלשטיין ישעיה־מאיר].

גוטמאַן, מילאַני

יעקב פ. אַדלער ברענגט זי אין סוף פון די נײַנציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט פון אייראָפּע. לויט זיינע אינפאָרמאַציעס האָט ג. געענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע אין ווין.

ג.'ס ערשטער אויפטריט איז פאָרגעקומען אין ווינדזאָר־טעאַטער אין דער פּיעסע „פראַ דיאַוואָלאָ“, — לויט בעסי טאָמאַשעווסקי — „אַ גוישע אָפּערעטע, געשפּראָכן אויף יידיש, און זי אַליין, די פּרימאַדאָנע, הייסט עס, האָט געשפּראָכן דייטש. אַ סימפּאַטיש דייטשיש־יידישע טאָכטער מיט אַ העכסט יידישער נאָז און טיפע שוואַרצע אויגן. גערעדט האָט זי שטיל און עלעגאַנט ווי אַן אמתע אַריסטאָקראַטקע“.

ג. איז צו איר ערשטן אויפטריט געווען פאַרקילט, און געליטן אַ שרעקלעכן דורכפאַל, אַזוי, אַז זי האָט זיך באַלד צוריקגעצויגן פון דער יידישער בינע.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס־געשיכטע“, זז. 245‑248.

גוטמאַן, סאַלטשע

[סערל האַרמאַן]

געב. 6 מערץ 1881 אין לעמבערג, מזרח־גאַליציע. עלטערן — סוחרים. געענדיקט אַ 7־קלאַסיקע פאָלקס־שול. אַריינגעטראָטן אין 1897 אין כאָר פון גימפּעלס טעאַטער, און נאָך אַ קורצער צייט אָנגעהויבן שפּילן סוברעטינס. חתונה געהאַט מיט יוליוס גוטמאַן, און מיטגעמאַכט דעם זעלבן עטאַפּ וואָס איר מאַן.

ש. ע. פון יוליוס גוטמאַן.

גוטמאַן, קלמן

געב. 1901 אין לאָדזש, פּוילן. עלטערן — קליינהענדלער. געענדיקט אַ פאָלקסשול. אויס ליבע צום טעאַטער געוואָרן אַ סופלער אין שלמה קוטנערס וואַנדער־טרופּע. אין 1919 געשפּילט אין בריסק אַלס אַקטיאָר אונטער קוטנערס רעזשי, דערנאָך אין דער חברים־טרופּע אין לאָדזשער סקאַלאַ־טעאַטער. אין 1925 זיך באַטייליקט אַלס אַקטיאָר אין „וויקט“, דערנאָך צוריק געוואָרן אַ סופלער אין פאַרשיידענע טרופּעס אין פּוילן.

ש. ע.

גוטמאַן, ראָזאַ

[שיינפעלד]

געב. 8 יוני 1889 אין בוקאַרעסט, רומעניע. פאָטער — אַ בילעטער אין רומענישן און אין יידישן טעאַטער. געוואוינט אין הויף פון יידישן זשיגניצאַ-טעאַטער. געענדיקט אַ 4 קלאַסיקע פאָלקסשול און געלערנט 3 קלאַסן גימנאַזיע. געוואָרן אַ כאָריסטקע אין יידישן טעאַטער, דערנאָך געאַרבעט אין אַ קראַוואַטן-פאַבריק. דער אַקטיאָר אַדאָלף סעגאַל פון יאַסי נעמט זי אַריין צו זיך אין טרופּע, לערנט זי אויס ריידן יידיש און נאָכדעם גיט ער איר קליינע ראָלן. פון צייט צו צייט פאַרטרעט זי אויך פּרימאַדאָנעס, שפּעטער הייבט זי אָן שפּילן גראַנד-דאַמעס ביז קאָנער שטעלט צונויף אַ טרופּע און נעמט זי אַריין אויף אַלט-קאָמישע ראָלן — אַן אַמפּלואַ אין וועלכן ג. שפּילט זייט דאַמאָלט אין פאַרשיידענע טרופּעס אין רומעניע.

ש. ע. פון חיים גוטמאַן.

גוטענטאַג, בערטאַ

[אַקסעלראַד]

געבוירן אין רומעניע. עלטערן — די אַקטיאָרן אברהם און אַנעטאַ אַקסעלראַד. אין עלטער פון פיר יאָר, ווען אירע עלטערן האָבן געשפּילט אין גימפּעלס טרופּע אין לעמבערג, האָט זי אָנגעהויבן שפּילן קינדער-ראָלן. ביי-טאָג באַזוכט זי די שול און ביינאַכט שפּילט זי טעאַטער, כדי דערמיט צו שטיצן איר מוטער.

גאָלדפאַדען זעט זי אַמאָל שפּילן אַ ראָל שוין פון אַ דערוואַקסן מיידל, און ער אַנגאַזשירט זי אין זיין טרופּע אין בוקאַרעסט, וואו ער איז אויסער איר לערער אויך איר מדריך. אין דער זעלבער צייט נעמט זי לעקציעס אין זינגען, קלאַוויר-שפּילן און דעקלאַמאַציע. שפּעטער טרעט זי אַריין אין אַ יידישער טרופּע אין ווין. פון דאָרט ווערט זי מיט איר מוטער אַנגאַזשירט קיין לאָנדאָן אין פּאַוויליאָן-טעאַטער. דאָ באַקענט זי זיך מיטן אַקטיאָר חיים גוטענטאַג און פאָרט צוזאַמען מיט אים און אַ גאַנצער טרופּע קיין בוענאָס-איירעס, אַרגענטינאַ, וואו זי האָט מיט אים חתונה. גוטענטאַג ווערט דירעקטאָר פון דער טרופּע און 18 יאָר שפּילן זיי אין אַרגענטינע, מאַכנדיק פון צייט צו צייט טורנעען איבער דייטשלאַנד, ענגלאַנד, פראַנקרייך, רומעניע און עסטרייך.

אין 1922 קומט זי אין אַמעריקע און שפּילט דאָ זייט דאַמאָלט אין פאַרשיידענע טרופּעס, 1929 — גאַסטראָלירט אין אַרגענטינע און 1929-30 — געשפּילט אין באָסטאָן ביי האָלענדער.

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II, זז. 9-198.

גוטענטאַג, קאַרל

געב. 10 דעצ. 1878 אין סטאַניסלאַוו, מזרח-גאַליציע, ביי בעל-הביתישע עלטערן. געלערנט אין חדרים, און ביז 17 יאָר — אין סאַדיגורער קלויז. קיין גרויס חשק צו לערנען האָט ער ניט געהאַט, הגם ער האָט אָפט באַקומען קלעפּ פון פאָטער, אַז ער זאָל לערנען.

באַזיצנדיק אַ שיינע שטים, האָט אים געצויגן צום טעאַטער, און ווען ער איז אַרויס פון קלויז, האָט ער אָרגאַניזירט אַ גרופּע „ליבהאָבער“ און מיט זיי אויפגעפירט גאָלדפאַדענס „שולמית“ און הורוויצס „דאָס פּוילישע יונגל“, אין וועלכע ער האָט געשפּילט די ליבהאָבער-ראָלן.

אין עלטער פון 19 יאָר ווערט ער דורך טשאַרלס נאַטאַנסאָן, וועלכער האָט דאַמאָלט גאַסטראָלירט אין גאַליציע, גענומען צו דער פּראָפעסיאָנעלער בינע און אַזוי וואַנדערט ער איבער עסטרייך, אונגאַרן, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע, רומעניע און ענגלאַנד, שפּילנדיק ליבהאָבער-ראָלן.

אין ענגלאַנד באַקענט ער זיך מיט דער אַקטריסע בערטאַ אַקסעלראַד, האָט מיט איר חתונה און זיי ווערן אַנגאַזשירט קיין בוענאָס-איירעס, אַרגענטינע, וואו ג. לייגט דעם יסוד פאַרן ערשטן סטאַבילן יידישן טעאַטער.

18 יאָר איז ג. דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער אין אַרגענטינע, און דורך דער צייט גאַסטראָלירן און שפּילן ביי אים די אָנגעזעענסטע יידישע אַקטיאָרן.

ג. איז אין אַרגענטינע געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע.

זייט 1922 איז ער אין אַמעריקע, וואו ער שפּילט ווייטער אויף דער יידישער בינע. אין 1929 איז ג. געפאָרן גאַסטראָלירן אין אַרגענטינע.

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II, זז. 9-198.

גוסקין, ראובן



געב. 1 אויגוסט 1887 אין באָברויסק, מינסקער גוב., ווייס-רוסלאַנד, פאָטער — אַ בעל-מלאכה. געלערנט אין חדר און ישיבות אין באָברויסק און שידריק, למודי-חול געלערנט פּריוואַט.

קומענדיק, דורך דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אין באַרירונג מיט אַרבעטער, נעמט זיך ג. לערנען סטאָלעריי, דערנאָך ווערט ער אַ פריזירער, און מיטן דאָזיקן פאַך פאָרט ער אַוועק אין 1901 קיין דרום-רוסלאַנד.

דאָ ווערט ג. זייער אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און קומט צוריק קיין באָברויסק אַלס בונדיסט. אין 1903 ווערט ג. אַ מיטגליד אין דער קאַמפּס-אָפּטיילונג פון „בונד“ און באַטייליקט זיך אין זעלבסטשוץ פון באָברויסק און האָמעל.

צוליב דעם וואָס ער ווערט פון דער פּאָליציי געזוכט אַלס שטרייקפירער, וואַנדערט ער אויס אין 1904 קיין אַמעריקע. דאָ ווערט ער אַ מיטגליד אין „צענטראַל-פאַרבאַנד פון „בונד“ אין אַמעריקע“ און

שפּעטער ווערט ער דורך דער באַברויסקער לאַנדסמאַנשאַפט געווילט אין דער גענעראַל-עקזעקוטיוו פון „בונד“.

אין אַמעריקע האָט ג. זיך גענומען צום פאַך, און איז אין משך פון 8 יאָר געווען אַ פאָרשטייער פון דער באַרבער-יוניע. דורך דעם דאָזיקן אַמט ווערט ער אַקטיוו אין דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג און ווען די יידישע אַקטיאָרן נויטיקן זיך אָן אַן אָרגאַניזירענדער האַנט, טרעט ער אַריין אין 1919 אין דער אַקטיאָרן-יוניע אַלס מענעדזשער און אַנטוויקלט דאָרט אַן ענערגישע און איבערגעבענע טעטיקייט.

אונטער ג.׳ס פאַרוואַלטונג איז דורכגעפירט געוואָרן די פאַראייניקונג פון לאָקאַל 5 (וואַריעטע אַקטיאָרן) און לאָקאַל 1 (לעגיטימע אַקטיאָרן). מ׳האָט געעפנט די טירן פאַר נייע מיטגלידער און די יידישע אַקטיאָרן-יוניע איז בכלל אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ בעסערער עקאָנאָמישער באַזע (אויספירלעך וועגן דעם זע אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע).

אין נאָוועמבער 1929 האָט ג. בעת זיין באַזוך אין אייראָפּע ליקווידירט דעם סכסוך צווישן דעם יידישן אַרטיסטן-פאַריין אין פּוילן און דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע אין אַמעריקע.

ג. איז 13 יאָר מיטגליד אין פאַרוואַלטונגס-ראַט פון „פאָרווערטס“, 9 יאָר געווען מיטגליד אין דער עקזעקוטיוו און 2 יאָר פּרעזידענט פון „אַרבעטער-רינג“. 8 יאָר איז ג. געווען פאָרזיצער פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, מיטגליד אין פּיפּלס-רעליף-קאָמיטעט און דעלעגאַט מצד די יידישע אַרבעטער צום אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס.

ג. איז געווען פאַרלאַגס- און רעדאַקציע-מיטגליד פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“.

ב. ע.

ר. גוסקין—עטליכע וויכטיגע טעאַטער-פראַגען, „פאָרוו.“, 9 יולי 1923.

אַ „פאָרווערטס“-רעפּאָרטער — דער נייער סיזאָן אין אידישען טעאַטער — וואָס ראובן גוסקין דער מענעדזשער פון דער אַקטיאָרען-יוניאָן זאָגט וועגען דעם. „פאָרוו.“, 19 אויגוסט, 1926.

י. קירשענבוים — ראובן גוסקין אַלס רעפאָרמאַטאָר פון אידישען טעאַטער, „טעאַטער שטערן“, 1.

א. פרומקין — גוסקין שילדערט די טרויעריגע לאַגע פון אידישען טעאַטער „מא“זש“, 27 אַפּריל, 1928.

אַ פאָרווערטס רעפּאָרטער — וועט די אידישע אַקטיאָרען יוניאָן קענען אָפּשאַפען די שעדליכע קאָנקורענץ צווישען די טעאַטער-מענעדזשערס ?, „פאָרוו.“, 14 אויגוסט 1928.

ראובן גוסקין — ווי האַלט עס אין דער אמת׳ן מיט׳ן אידישען טעאַטער אין אַמעריקא ? „פאָרוו.“, 11 מאַי, 1928.

א. פרומקין — ווי האַלט עס מיט׳ן אידישען טעאַטער אויף דער פּראָווינץ. „מא“זש“, 5 אָקט. 1928

ב. וויינשטיין — אידישע יוניאָנס אין אַמעריקא, נ. י. 1929, זז. 32, 136, 304, 5-514.

זלמן זילבערצווייג—אַן אַלוועלטלעכע טעאַטער-אָרגאַניזאַציע, „ליט“בל“, וואַרשע, 47, 1929.

[—] טעאַטער יוניאָנס דאַנקען ר. גוסקין מענעדזשער פון אַקטיאָרען יוניאָן „מאָז“ש“, נ. י., 2 אויגוסט 1929.

נחמן מייזל — ווי עס איז געשלאָסן געוואָרן דער שלום צווישן דער אַמעריקאַנער אידישער אַקטיאָרען-יוניאָן מיט דעם אידישען אַרטיסטען פאַראיין אין פּוילן, „פאָרוו.“ 6 דעצ. 1929.

ל—ר — דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע, „ליט“בל“, 48, 1929.

ר. גוסקין — אַן אָפענע ערקלערונג צום פילאַדעלפיער אידישען טעאַטער עולם, „פאָרוו.“, פילאַדעלפיע, 20 אָקט. 1929.

געלעגענהייטס-שריפט צו ראובן גוסקינס 10 יאָריגער טעטיקייט, אידישע אַקטיאָרען יוניאָן, ניו יאָרק, 1930.

גורסקאַ, סאָניאַ

[פריידע-שיינע גורעוויטש]

געבוירן אין לעפּעל, וויטעבסקער גוב., ווייסרוסלאַנד, אין אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע. פון קינדווייז אָן אַרויסגעוויזן אַ אינטערעס פאַר „צערעמאָניעס“. אין די רעוואָלוציע-יאָרן געווען אַקטיוו אין די רייען פון יונגן „בונד“. נאָך דער רעאַקציע אָפּגעפאָרן קיין ווילנע, וואו זי באַזוכט אָפט דאָס טעאַטער און טרעט אַריין אין אַ יידישן „ליבהאָבער“-קרייז א״פ פון פּיראָזשניקאָוו. נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט אין דאָזיקן קרייז, פון וועלכן בן-עמי איז געוואָרן דער רעזשיסער, איז ג. אָפּגעפאָרן קיין ווין.

דאָ שפּילט זי אַ קורצע צייט אין דער אָרטיקער יידישער טרופּע, באַזוכנדיק גלייכצייטיק פאָן מייערס דראַמאַטישע קורסן. אָבער אויפן חשד פון שפּיאָנאַזש ווערט זי אַרעסטירט און מוז פאַרלאָזן עסטרייך.

ג. באַטייליקט זיך נאָך אין אייניקע יידישע פאָרשטעלונגען אין דער שווייץ, דערנאָך שפּילט זי אַ האַלבן סעזאָן אין לאָנדאָן און פאָרט פון דאָרט אין 1916 קיין אַמעריקע. דאָ טרעט זי אויף צו איינצלנע מאָל אין געבילס טעאַטער אין פּינסקיס „גאַברי און די פרויען“ און דערנאָך ביי טאָמאַשעווסקי אין פּשיבישעווסקיס „דאָס גליק“, און ערשט אין 1918 ווערט זי אַנגאַזשירט צו טאָמאַשעווסקי, 1919-20 — אין שניצערס יידישן קונסט-טעאַטער, 1920-21 — אין יידישן קונסט-טעאַטער ביי שוואַרץ, 1921-22 — אין פילאַדעלפיע ביי אַנשעל שאָר, 1922-23 — אין באָסטאָן ביי יוליוס נאַטאַנסאָן, 1923-24 — איבער דער פּראָווינץ, 1924-25 — אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן און 1925-26 — אין דעטראָיט ביי ליטמאַן און פישזאָן. 1926-28 איז ג. ניט אַנגאַזשירט און באַטייליקט זיך נאָר אין צופעליקע פאָרשטעלונגען. 1928-30 — איז ג. ווידער אין יידישן קונסט-טעאַטער, וואו זי איז אויך געווען טאַנץ-לערערין פון דער קינדער-שול ביים טעאַטער.

ש. ע.

גורעוויטש, אייזיק

[געב. בערך 1864 — געשט. מערץ 1909 [?]

געבוירן בערך 1864 אין מאָהילעווער גובערניע, אין אַ בעל-הביתישער פאַמיליע. פלעגט שטאָלצירן דערמיט, וואָס ער האָט נאָך געשפּילט יידיש טעאַטער מיט גראַדנערן. אין די נייַנציקער יאָרן אַרומגעפאָרן אַלס קאָמיקער מיט קאָמפּאַניעס און דערנאָך געשפּילט ביי פישזאָנען. ג. איז אויך אַרומגעפאָרן מיט אַ קוואַרטעט (ליפּאָווסקי, ביעלאַגלאַווסקי, גורעוויטש און זיין ערשטע פרוי). פון פישזאָנען איז ג. אַריבער אין 1902 צו קאַמינסקין אין וואַרשע, און פון דאָרט צו גענפּערן. בעת ג. פלעגט ניט האָבן קיין געלעגנהייט צו שפּילן יידיש טעאַטער, אָדער ווען ער פלעגט זיך געפינען אין ערטער, וואו ס׳איז געווען פאַרווערט צו שפּילן יידיש טעאַטער, פלעגט ער זינגען אין די קאַבאַרעטן יידישע קופּלעטן אויף רוסיש.

ג. פלעגט זיך אויסצייכנען אין ספּעציפיש יידישע, באַזונדערס חסידישע, ראָלן. צוליב זיין ליטווישן דיאַלעקט, האָט מען אים גערופן „דער ליטוואַק“.

בעת ג. האָט געשפּילט אין טוקום אין גענפּערס טרופּע איז ער אין

מערץ [?] 1909 פארטשאדעט געוואָרן צום טויט אין זיין האָטעל־צימער.

אין 1912 איז דורך דער איניציאַטיוו פון נחום ליפּאָווסקי געשטעלט געוואָרן אַ מצבה אויף ג.׳ס קבר.

מ. ע. פון בינע בראַגינסקאַ, נחום ליפּאָווסקי, א. ג. קאָמפּאַנעיעץ און יעקב גאַרטעלעוויטש.

גורעוויטש, מרים [מינאַ]

געב. אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אוקראַאינע. פאָטער — אַ חזן. געלערנט אין מאַרינסקער גימנאַזיע, און נאָך אַלס קינד געמאַכט אַ גרויסן רושם מיט איר שיינער שטים. דער רוסישער אָפּערן־זינגער קיטאַין לערנט זי אומזיסט מוזיק, און גיט איר די געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן אין ערנסטער מוזיק אויף זיינע שילער־קאָנצערטן. אין עלטער פון 15 יאָר טרעט ג. אַריין אין אוקראַאינישן אָפּערעטן־טעאַטער פון סאַקסאַגאַנסקי און קראָפּיווניצקי און ווערט באַלד פּאָפּולער אַלס פּרימאַדאָנע א״נ מאַריא גורענקאָ, אויפטרעטנדיק אויך אין „שולמית“. אין אייניקע יאָר שפּעטער, בעת די יידישע טרופּע ספּיוואַקאָווסקי און קרויזע שפּילט אין יעקאַטערינאָסלאַוו, באַוועגט זי דער דיריגענט סאַנדלער אַריינצוטרעטן אין יידישן טעאַטער, וואו זי טרעט אויף אין „שבת קודש“. נאָכן שפּילן אייניקע יאָר אָפּערעטן, גייט זי איבער אין דער וואַרשעווער פּאַראַייניקטער טרופּע, וואו זי טרעט אויף אין יאַנואַר 1910 אַלס „ראַניע די פּאַטשטאַרקע“ אין גאָרדינס „די שבועה“, וועלכע ווערט דאַמאָלט געשפּילט צום ערשטן מאָל אין אייראָפּע, אונטער דער רעזשי פון י. ל. פּרץ. נאָך אַ טורנעע איבער רוסלאַנד אין דראַמען און אָפּערעטן־רעפּערטואַר, שפּילט ג. דריי חדשים אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דערנאָך אין רומעניע און אין 1912 פאָרט זי קיין אַמעריקע, וואו זי שפּילט 1 סעזאָן, און ווערט אַנגאַזשירט פון אסתר רחל קאַמינסקי קיין וואַרשע. דאָרט ווערט זי דורך דער גאַסטראָלירנדיקער מאַלווינע לאָבעל אַנגאַזשירט צוריק קיין ניו־יאָרק. אין אַמעריקע האָט ג. די געלעגנהייט צו שפּילן מיט אַדלער, מאָשקאָוויטש און שוואַרץ, און מאַכט אַ טורנעע מיט קעסלערן איבער אַמעריקע מיט די פּיעסן „סטייל“ און „געקויפט און באַצאָלט“.

נאָך איר חתונה מיטן סקולפּטאָר באָרים בליי שפּילט ג. נאָר פון צייט צו צייט.

ש. ע.

מ. ע. פון שלמה קרויזע און ה. פיינשטיין.

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער“, ביאַליסטאָק, 1921, I. ז. 139.

גזיוואַטש, ראָזע

[לינדער]

געב. 15 יולי 1892 אין וואַרשע, פּוילן, ביי פרומע עלטערן. אַזוי ווי איר פאָטער, אַלס חסיד, גיט זיך ניט אָפּ מיט איר דערציאונג, באַזוכט זי בגנבה זייער אָפט דאָס פּוילישע טעאַטער, וואָס באַצויבערט זי ממש.

צוליב איר באַטייליקן זיך אין דער פרייהייטס־באַוועגונג פאָרט זי אָפּ אין 1905 מיט איר פאַמיליע, אויסער דעם פאָטער, קיין פּאַריז און דאָ טרעט זי אַרויס צום ערשטן מאָל אין אַ ליבהאָבער־פאָרשטעלונג, וואָס פירט אויף לעאָפּאָלד סטאַפס „פאַרן שטורם“. זייט דאַמאָלט באַטייליקט זי זיך אין פאַרשיידענע ליבהאָבער־קרייזן.

אין 1908 טרעט זי אַרויס אין אַ פּראָפעסיאָנעלער אויפפירונג פון זאַלאַס „דעם גלחס זינד“. דאָ באַקענט זי זיך מיט אַ גרופּע אינטעליגענטן, צווישן זיי דער איבערזעצער און זשורנאַליסט ל. בלומענפעלד און זיגמונד גזיוואַטש, מיט וועלכן זי האָט חתונה. זיי גרינדן אַ דראַמאַטישן קרייז און פירן אויף צום ערשטן מאָל אין פּאַריז די פּיעסן פון אַש און פּרץ הירשביין.

אין 1912 שטודירט זי אין דער פראַנצויזישער דראַמאַטישער סטודיע פון רענע מויבעל. אין 1913 שפּילט זי אונטער דער דירעקציע פון איר מאַן צוזאַמען מיט אסתר רחל קאַמינסקאַ, ליבערט, מאָשקאָוויטש, לאָבעל.

ווען די מלחמה ברעכט אויס, פאָרט זי קיין אַרגענטינע. דאָ שפּילט זי מיט הפסקות אין פאַרשיידענע טרופּעס.

ש. ע.

גיבסאָן, מיכל

[גזשיבאָוויטש]

געבוירן 1895 אין לאָמזשע, פּוילן. פאָטער — משולח פון דער אָרטיקער ישיבה. אָן דערלויבניש פון די עלטערן געוואָרן אַ משורר ביים שטאָט־חזן און זיך אויך באַטייליקט אין די פּורימדיקע קינדער־פאָרשטעלונגען. אונטערן איינדרוק פון זיינע באַזוכן אין טעאַטער, געשטרעבט צו ווערן אַן אַקטיאָר, אָבער כדי דאָס צו פאַרהיטן, שיקן אים די עלטערן אין 1909 צו זיינעם אַ ברודער אין ענגלאַנד פון וואַנען ג. פאָרט קיין פּאַריז און טרעט אַריין אַלס כאָריסט צו מ. ד. וואַקסמאַן, דערנאָך איז ג. אַריבער אין דער טרופּע פון יעקב ספּיוואַקאָווסקי און קאַרל גוטענטאַג, וואו ער דעביוטירט אַלס „יואב הגדעוני“ אין „שולמית“. ג. פאָרט דאַן קיין וואַרשע, און טרעט אַריין אַלס קופּלעטיסט און זינגער אין קאָמפּאַניעס וואָדעוויל־טעאַטער, דאַן אַ קורצע צייט געשפּילט מיט ציפּקוסן איבער דער פּראָווינץ, און עמיגרירט קיין אַמעריקע. דאָ ניט געקאַנט צוקומען צום טעאַטער, געווען אַ קעלנער, דערנאָך אַ קירזשנער און גרייטנדיק זיך ווידער צו דער בינע, אַריינגעטראָטן אין „קונסט־רינג“. 1925־6 — מיטגעווירקט אין אירווינג פּליים אין 1926־30 געשפּילט עפּיזאָדן־ראָלן אין יידישן קונסט־טעאַטער, וואו ער האָט אויך געהאַט אַ געלעגנהייט צו שפּילן „סאַטין“ אין גאָרקיס „אויפן אָפּגרונד“.

ש. ע.

גילבערט, שלמה

געב. 10 פעב. 1885 אין ראַדזימין, וואַרשעווער געגנט, פּוילן, אין אַן אָרעמער פאַמיליע. געלערנט אין בית־המדרש, און געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון דער יידישער מיסטיק און קבלה. דעביוטירט אין דער ליטעראַטור אין 1907 אין די זמ״ב „נײ־צייט“, און זייט דאַמאָלט פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט פאַרשיידענע ליטעראַרישע אַרבעטן.

ג. האָט פאַרפאַסט „משיחס טריט“ (דראַמאַטישע פּאָעמע אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג, פ״ג „קולטור־ליגע“, וואַרשע, 1924 זז. 43) [פריער געדרוקט אין „צוקונפט“, דעצ. 1922]. די דראַמע איז אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון א. ל. יאַקובאָוויטש אָפּגעדרוקט א״נ „גלות“ אין „התקופה“ VII.

אין „צוקונפט" VI, 1925 האָט ג. פאַרעפנטלעכט זיין דריי-אַקטיקע קאָמעדיע „דער קעלער", און אין זיין בוך „נאָוועלן" (אַרויסגעגעבן דורכן „ליטעראַטור-פאָנד" ביים פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע, 1922), האָט ג. אַריינגענומען זיין סצענע „שבתי מח", וועלכע איז פריער געווען געדרוקט אין דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג".

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I. זז. 563-4.
י. פערלע — מיט אַ קאָפּ העכער, „ליט"בל", 19, 1924.

גילטמאַן, איזידאָר

[געב. 1872 — געשט. 15 סעפּט. 1920]

ג. איז געווען קעסלערס אַ חבר און תלמיד, און בערך 30 יאָר האָבן זיי געשפּילט צוזאַמען אין פאַרשיידענע טרופּעס. ווען קעסלער האָט פאַרלוירן זיין טעאַטער, איז ג. אַוועק שפּילן אין טאָמאַשעווסקים טעאַטער.

ג. איז געווען אַ גוטער אַקטיאָר, אָבער אויף דער בינע און אין לעבן האָט ער זיך געהאַלטן זייער באַשיידן. על פּי רוב פלעגט ער שפּילן די ראָלן פון שלים-מזלס. ג. איז געווען זייער באַליבט ביי זיינע נאָענטע חברים, וועלכע האָבן אויך צו אים געהאַט אַ גרויסן צוטרוי. צוליב זיין צוריקגעהאַלטנקייט איז ער געבליבן ניט זייער פּאָפּולער, כאָטש ער האָט צענדליקער יאָרן געשפּילט וויכטיקע ראָלן.

אין 1920 האָט ג. געשפּילט אין פילאַדעלפיער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא-הויז. ראש השנה 1920 האָט ער מיט דער טרופּע געשפּילט אין ניו-יאָרק, און צוליב פינאַנציעלע שוועריגקייטן איז ער צומאָרגנס (15 סעפּטעמבער) באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך איינגעמען גאַז.

[—] — איזידאָר גילטמאַן, „פאָרוו.", נ. י. 17 סעפּטעמבער 1920.

גילמאַן, בען

געבוירן 14 נאָוועמבער 1889 אין קיטייגאָראָד, קאַמענעץ-פּאָדאָלסקער גוב., אוקראַאינע. פאָטער — נאָמן פון מעל-סקלאַדעס און וועלדער. געלערנט אין חדר. געבליבן יונג אַ יתום, איז ג. אין 1903 אויסגעוואַנדערט מיט דער פאַמיליע קיין אַמעריקע, וואו ער האָט באַזוכט פּאָבליק-סקול.

אין 1905 איז ג. געוואָרן פּרעזידענט פון „גאָרדין ליטעראַרי-סוירקל" און שפּעטער געדרוקט דערציילונגען און לידער אין „צייטגייסט", „דיא וואַרהייט" און „דער אידישער ארבייטער" א"ר פון דוד פּינסקי.

דורך דער איניציאַטיוו פון גאָרדין, וועלכער איז געשטאַנען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיטן קרייז אויף זיין נאָמען, איז גילמאַן אָנגעקומען אַלס פּרעס-אַגענט אין קליוולענדער גלאָב-טעאַטער, וואו ער איז דערנאָך געוואָרן מענעדזשער, שפּעטער געווען 4 יאָר מענעדזשער ביי שולמאַן און ראָווינדזשער אין זייער ניו-יאָרקער פּיפּעלס-טעאַטער, 2 יאָר מענעדזשער אין ליבערטי טעאַטער אין ברוקלין, אַ סעזאָן, צוזאַמען מיט מאַקס גאָלדבערג, ביי דער „ווילנער טרופּע" אין ניו-יאָרקער ליפּצין-טעאַטער, דערנאָך מענעדזשער און מיטשותּף (מיט קעשיער) אין מעקינלי סקווער טעאַטער אין בראָנקס, און 1928-30 — פּרעס-אַגענט ביי גערמאַן.

מ. ע.

גילראָד, לואי

[געב. 10 סעפּט. 1879 — געשט. 12 מערץ 1930]

געב. 10 סעפּט. 1879 אין דאָרף רואיזנא, אויפגעצויגן אין אולאַנאָוו, פּאָדאָלער גוב, אוקראַאינע. געלערנט אין אַ חדר און אין אַ שול.

אין עלטער פון 12 יאָר געקומען מיטן פאָטער אין אַמעריקע. דער פאָטער פאָרט באַלד צוריק און ג. בלייבט ביי אַ פעטער אין נואַרק, וואו ער טרעט אַריין אין דער לער ביי אַ פריזירער. ער האָט אָבער ניט ליב דאָס פאַך, און אַזוי ווי עס ציט אים צו דער בינע, גרינדעט ער אין עלטער פון 17 יאָר אַ דראַמאַטישן קלוב, אין וועלכן ער שפּילט די ראָל „משהלע" אין לאַטיינערס „גרינהאָרנס". ער הויבט אויך אָן שרייבן לידיקס. אַקטיאָרן דערוויסן זיך דערפון, און זיי ברייגנען אים אַראָפּ קיין ניו-יאָרק.

דאָ ווערט ער אַ פּראָפעסיאָנעלער ליריק-שרייבער. צווישן אַנדערע האָט ער אויך געשריבן די זייער פּאָפּולערע לידער „גאָט און זיין משפּט איז גערעכט" און „קום ישראליקל אהיים". (אין דרוק געצייכנט אַלס מחברים גילראָד און מייעראָוויטש).

אויסער די לידער הויבט ג. אויך אָן שפּילן קליינע ראָלן אין טאַליאַ און ווינדזאָר-טעאַטער, און דערנאָך נעמט ער אַ טעטיקן אָנטייל אין די יידישע וואָדעוויל-טעאַטערס, פאַר וועלכע ער שרייבט און שפּילט אין צענדליקער איינאַקטערס.

ג. שפּילט אויך פינף סעזאָנען אין זומער-טעאַטער אויף סעקאָנד עוועניו צוזאַמען מיט קעסטין און שוואַרץ, און צוויי סעזאָנען אין זומער-טעאַטער אויפן רוף פון נייש‌אָנאַל-טעאַטער, דאַן מיט שוואַרצן אין אורווינג-פּליים-טעאַטער, אין ליריק-טעאַטער אין ברוקלין, פינף סעזאָנען אין נייש‌אָנאַל טעאַטער און אין 1926 אין פּאָבליק-טעאַטער.

זייט דאַמאָלט האָט זיך ג., צוליב קראַנקהייט, צוריקגעצויגן פון דער בינע, אָבער ווייטער געשריבן לידיקס פאַרן יידישן טעאַטער. זיינע לעצטע לידיקס האָט ער געשריבן פאַר סיגעלס אָפּערעטע „דאָס פריילעכע יתומהלע" (מוזיק יאָזעף רומשינסקי), וועלכע איז אין 1930 אויפגעפירט געוואָרן אין סעקאָנד-עוועניו טעאַטער.

דעם 12 מערץ 1930 איז ג. געשטאָרבן און געקומען צו קבורה אויפן בית-עולם פון די יידישע טעאַטריקל עליינס.

ג.'ס פרוי, פאולא וויס, האָט געשפּילט אין יידישן וואָדעוויל-טעאַטער, זיין טאָכטער איז אַ כאָריסטקע אין יידישן טעאַטער.

מ. ע.

ביג בען — אידישע טעאַטער „פּאָעזיע", „דיא וואַרהייט", נ. י. 5 מאַי 1917.

מ. אָשעראָוויטש — „דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד", נ. י., 1930 זז. 188-186.

ז. זילבערצווייג — דער פאַרשטאָרבענער גילראָד האָט צעהנדליגע יאָהרען געשריבען קופּלעטען, „פאָרוו.", 14 מערץ 1930.

יאָזעף רומשינסקי — יאָזעף רומשינסקי שרייבט וועגן ערשט פאַרשטאָרבענעם קופּלעטן־שרייבער און אַקטיאָר לואיס גילראד, „פאָרוו.“ 21 מערץ, 1930.

לעד פּענסיל — ער איז געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע טיפּען אין דער אידישער טעאַטער־וועלט, „פאָרוו.“ 30 מערץ 1930.

גימפּעל, אַדאָלף

געבוירן 17 יאַנואַר 1875 אין לעמבערג, גאַליציע, זון פון יעקב בער. געענדיקט 2 קלאַסן גימנאַזיע און די לעמבערגער קאָנסערוואַטאָריע. געשפּילט אַלס קלאַרנעטיסט אין דער שטאָטישער אָפּערע, און נאכדעם ווי אפרים פּערלמוטער פאָרט אָפּ קיין אַמעריקע, ווערט ג. דיריגענט אין פאָטערס טעאַטער, און אָרקעסטרירט דאָרט פיל אָפּערעטן, געבראַכטע פון אַמעריקע, פון וועלכע ס'זיינען צו אים אָנגעקומען נאָר „דירעקציעס“ אָדער פּרים־שטימען. די דאָזיקע אָרקעסטרירטע אָפּערעטן גייען דערנאָך אַריין אין רעפּערטואַר פון די יידישע טעאַטערס אין אייראָפּע.

ג.'ס דריי זין זיינען מוזיקער, און איינער, בראָניסלאַוו, איז אַ באַרימטער ווירטואָז.

ש. ע.

גימפּעל, יעקב־בער

[געב. 1840 — געשט. יאַנואַר 1906]

געב. בערך 1840 אין לעמבערג, גאַליציע. אַ סך יאָר געווען כאָריסט אין פּוילישן טעאַטער. ווי יוסף ווײַנשטאָק גיט איבער, האָט ג., אויף זיין איניציאַטיוו, אויסגעווירקט פאַר זיך ביי דער לעמבערגער לאַנד־רעגירונג אַ קאָנצעסיע אויף יידיש טעאַטער — אַלס לוין פאַר זיין לאַנג־יאָריקער טעטיקייט אין פּוילישן שטאָט־טעאַטער.

אין 1889 גרינדעט ג. דאָס ערשטע סטאַבילע יידישע טעאַטער אין לעמבערג, וואָס ווערט זייער פּאָפּולער אין דער גאַנצער יידישער טעאַטער־וועלט. ג. רופט זיין טעאַטער „יידיש־פּויליש“, אָבער די פּוילישע עפנטלעכקייט איז קעגן דעם, און ער מוז עס רופן „דייטש־יידיש טעאַטער“. אויף דער דאָזיקער בינע, וואָס איז אַ געוויסע צייט געשטאַנען אויך אונטער דער לייטונג פון אברהם גאָלדפאַדען, זיינען דערצויגן געוואָרן צענדליקער יידישע אַקטיאָרן, וועלכע זיינען פריער געווען אין כאָר ביי ג., דאָרט אָנגעהויבן שפּילן און דערנאָך געוואָרן די אנגעזעענסטע יידישע טעאַטער־כחות.

זייער פיל יידישע פּיעסן, דערונטער אויך אייניקע גאָלדפאַדענס אָפּערעטן, האָבן געהאַט זייערע פּרעמיערעס אויף דער גימפּעל־בינע.

בערטאַ קאַליש, וועלכע האָט אָנגעהויבן איר בינע־קאַריערע אַלס כאָריסטקע ביי ג.'ן, שילדערט אים אַזוי:

„אַן ערלעכער, אַן אויפריכטיקער, מיט אַ שטאַרקן חוש פאַר יושר. אַ הויכע גיגאַנטישע פיגור. אַלע אין כאָר האָבן אויף אים געקוקט מיט דרך־ארץ. עס איז קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז עס איז מעגלעך צו האָבן אַ יידיש טעאַטער אין לעמבערג און אַז עס וועט זיך אויסצאָלן.

די פרומאַקעס האָבן אים בשום אופן ניט געוואָלט דערלאָזן צו אַזאַ „חילול השם“. זיי האָבן געסטראַשעט מיט אַ פּאָגראָם אויב עמיצער וועט וואַגן חוזק צו מאַכן פון יידישקייט אויף אַזאַ „ברוטאַלן“ אופן. אויך די לעמבערגער קולטוס־געמיינדע [קהלה] איז געווען קעגן.“

זייט 1906 איז דאָס טעאַטער געפירט געוואָרן דורך ג.'ס זון עמיל. זיין צווייטער זון, אַדאָלף, איז געווען דיריגענט אין זעלבן טעאַטער.

אין יאַנואַר (שבט) 1906 איז ג. געשטאָרבן אין לעמבערג.

ש. ע. פון יוסף ווײַנשטאָק און מ. ע. פון פּיטער גראַף.

ב. גארין — „געש. איד. טעאַט.“ II, ז. 142.

יעקב גאָרדין — דאָס אידישע טהעאַטער אין גאַליציען, „דיא וואַרהייט“, נ. י. 23 נאָוועמבער 1907.

בערטאַ קאַליש — (זכרונות), „דער טאָג“, 15 אַפּריל, 1925.

מ. אָשעראָוויטש — (זכרונות פון רעגיגע פּראַגער), „פאָרוו.“ 25 סעפּט. 1926.

מ. מיאַדאָווניק — מיינע טעאַטער זיכרוינעס, זשורנאַל „דער שטערן“, מינסק, 2, 1926.

משה פראָסטיג — גימפּעלס טהעאַטער אין לעמבערג אונטערגעגאַנגען, „מאָז"ש“, נ. י. 26 מערץ 1926.

אַנשעל שאָר — דאָס טעאַטער אין שענק, „טעאַט"צ“, וואַרשע, (10) 3, 1929.

ד. שעדלעצקי — אידישער טעאַטער אין לעמבערג האַלט ביים אונטערגעהן, „פאָרוו.“, נ. י., 1 מערץ 1929.

שלום פּערלמוטער — דער סוף פון לעמבערגער אידישען טעאַטער פון וואַנען אַמעריקע האָט אימפּאָרטירט איהרע באַוואוסטע אַרטיסטן, „דער טאָג“, נ. י. 7 פעברואַר 1930.

גימפּעל, עמיל

[שמואל מענדל]

געבוירן 8 מערץ 1867 אין לעמבערג, גאַליציע. זון פון יעקב בער. באַלד פון דער גרינדונג פון זיין פאָטערס טעאַטער, איז ג. דאָרט געוואָרן געשעפטספירער, און זייט 1906 (מיט הפסקות) אַליין איבערגענומען דאָס טעאַטער, פירנדיק עס על פּי רוב אויף מאַרקן־יסודות.

בעת דער רענעסאַנס באַוועגונג פאַר דער יידישער שפּראַך, האָט דאָס טעאַטער געענדערט דעם נאָמען אויף „יידיש טעאַטער“ און איז אַ געוויסע צייט געפירט געוואָרן, אויף מאַרקן, פון עמילס זון, דר. גימפּעל, דער מאַן פון דער אַקטריסע מאַלווינאַ יאָלעס.

לעצטנס האָט ע. צוריק איבערגענומען די פירונג פון זיין טעאַטער.

מ. ע. און מ. ע. פון יעקב מעסטעל.

ד. שעדלעצקי — אידישער טעאַטער אין לעמבערג האַלט ביים אונטערגעהן, „פאָרוו.“, נ. י., 1 מערץ 1929.

גינזבורג, אַדעלאַ

געבוירן 18 מאַי 1893 אין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע. עלטערן — סוחרים. באַקומען הײמישע בילדונג. געשפּילט מיט „ליבהאָבער“. אַקטיאָרן זעען זי אין דער ראָל „עלווירא“ פון שאַרקאַנסקים „כל נדרי“ און נעמען זי אַריין אין דער טרופּע עבעל און לאַגער, וואו זי טרעט אויף אַלס „לעאָנאָראַ“ אין דער אָפּערעטע „דער וויצע־קעניג“. זייט 1910 האָט ג. געשפּילט אונטער די דירעקציעס: אַקסעלראַד (טשערנאָוויץ), גלימער (סטאַניסלאַוואָוו), באָריץ, בערל האַרט (דראָהאָביטש) און פרענקל (טאַרנאָפּאָל). לעצטענס אין אַרגענטינע.

ש. ע.

גינזבורג, יעקב

[געב. 10 סעפּט. 1882 — געשט. 8 אַפּריל 1925]

געבוירן 10 סעפּטעמבער 1882 אויף אַ ישוב לעבן ווילנע, פּויליש-ליטע. געלערנט אין חדר, אין ווילנער ישיבות און אין אַ פאָלקסשול. צו 13 יאָר געוואָרן אַ בעל-מלאכה. 1900 האָט ג. פאַרפאַסט אַ 4-אַקטיקע דראַמע „אָפּגעזאָגט", וועלכע איז איינִיקע מאָל אויפגעפירט געוואָרן אין בונדישע קרייזן. 1903 — אַנטלאָפן פון מיליטער קיין אַמעריקע, וואו ער האָט, ביי אַ שווערן קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ, געשריבן פון צייט צו צייט סקיצן, דערציילונגען און אַרטיקלען אין פאַרשיידענע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן, געטאָן פאַרשיידענע זשורנאַליסטישע אַרבעטן און פאַרפאַסט אַן איינאַקטער „דער טעות", וואָס איז געשפּילט געוואָרן פון פאַרשיידענע דראַמאַטישע קרייזן.

דעם 8 אַפּריל 1925 איז ג. געשטאָרבן.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 566-7.

גינזבורג, שאול

געב. 1866 אין מינסק, ווייסרוסלאַנד, אין אַ רייכער אָרטאָדאָקסישער פאַמיליע פון סוחרים און פאַבריקאַנטן. יידישע דערציאונג באַקומען ביי לערער אין דער היים, באַזוכט די אָרטיקע גימנאַזיע און דעביוטירט מיט קאָרעספּאָנדענציעס אין „המגיד". נאָכן ענדיקן דעם אוניווערזיטעט, האָט ג. אָנגעהויבן (זייט 1892) צו פאַרעפנטלעכן אין „וואָסכאָד" קריטישע נאָטיצן און אַרטיקלען. ווידמענדיק זיך דער עקר צו קריטיק, האָט ג. אין 1901 צוזאַמען מיט פּרץ מאַרעק אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג „יידישע פאָלקסלידער אין רוסלאַנד" (פ"ג „וואָסכאָד", פּט"ב 1901, זז. XXX + 329 + XIV). די זאַמלונג אַנטהאַלט 376 נומערן פון ליטע, קורלאַנד, פּאָלטאַווער און פּאָדאָליער געגנט. דער טעקסט פון די לידער איז געדרוקט מיט יידישע און לאַטיינישע אותיות, און הייבט זיך אָן מיט אַן אויספירלעכער קולטור-היסטאָרישער אָפּהאַנדלונג אין רוסיש וועגן די יידישע פאָלקס-לידער מיט ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען און צום סוף פון דער זאַמלונג געפינט זיך אַ ביבליאָגראַפישע רשימה פון שמואל ווינער.

אין יאַנואַר 1903 האָט ג. צוזאַמען מיט שבתי ראַפּאָפּאָרט געגרינדעט די ערשטע יידישע טעגלעכע צייטונג אין רוסלאַנד „דער פריינד".

צווישן זיינע קריטיש-מאָנאָגראַפישע אַרבעטן געפינען זיך איינִיקע אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער, ווי: „ווער איז שולדיק אין דעם 34-יאָריקן פאַרבאָט פון יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד"? („צוקונפט" 2, 1927).

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 567-72.

גינטער, נתן



געבוירן 10 יולי 1894 אין לאָדזש, פּוילן, ביי פרומע עלטערן, באַזיצער פון אַ קליינער זאָקן-פאַבריק. פון דער פריסטער יוגנט באַזוכט דאָס יידישע טעאַטער, קאָפּירט נאָך אין דער היים אַקטיאָרן, און פאַרבינדט זיך דערנאָך מיט אַ ליבהאָבער-קרייז, וועלכער פירט אויף אין שטעטל זגערזש ביי לאָדזש ראַקאָווס „תלמיד-חכם" אין וועלכן ג. דעביוטירט אַלס „מרדכי נאָז". נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט מיט „ליבהאָבער", וואַנדערט ג. אויס בעת דער וועלט-מלחמה קיין בערלין און טרעט אַריין אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער, וואו ער שפּילט אָן האָנאָראַר. 1918 דעביוטירט ג. פּראָפעסיאָנעל אין יאַקובאָוויטשס טרופּע אין אַנטווערפּן אַלס „חפני" אין שאַרקאַנסקים „חפני און פנחס". שפּעטער שפּילט ג. אין רוסלאַנד ביי אַדאָלף סעגאַל, אין פּאַריז ביי פּעני וואַקסמאַן, אין פּוילן מיט אַ חברים-טרופּע, דערנאָך אין בוענאָס-איירעס, פון וואַנען ער מאַכט מיט דעם טורנע איבער טשילי, פּערו, קובאַ און מעקסיקאָ מיט דער אַרגענטינער יידישער טרופּע פון מאָריס בראַון.

ש. ע.

גינטער, סאַראַ

[מייסטערמאַן]

געבוירן 17 אַפּריל 1897 אין לובאַר, וואָלינער גובערניע, רוסלאַנד, אין אַ בעל-הביתישער פאַמיליע. געלערנט אין אַ רוסישער שול. פון קינדווייז אָן זיך אויסגעצייכנט אַלס זינגערין און געשטרעבט צו דער בינע. איינִיקע יאָר שפּעטער אָנגעקומען אין לאָדזש צו איר פעטער אַ חזן, געוואָרן אַ מיטגליד אין „הזמיר" און דערנאָך אַ כאָריסטקע ביי יוליוס אַדלערן, וואו זי באַקומט פון צייט צו צייט קליינע ראָלן. 1919 — עמיגרירט קיין אַנטווערפּן און אַריינגעטראָטן אין דער דאָרטיקער יידישער טרופּע, דעביוטירנדיק אַלס „הינדל" אין אַשס „גאָט פון נקמה". איינִיקע וואָכן שפּעטער, נאָך דער חתונה מיטן אַקטיאָר נתן גינטער, געפאָרן קיין פּאַריז, געשפּילט אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער, און דערנאָך אין פּוילן, רוסלאַנד, דייטשלאַנד, אַרגענטינע, קובאַ, טשילי און מעקסיקאָ.

ש. ע.

גינצבורג, יונה

[חיים-יונה, סעמועל]

[געב... — געשט...]

שטאַמט פון קיעווער גובערניע. [לויט מישע נאַכאַמקוס און הערמאַן פידלער: פון קיעוו], אוקראַאינע. אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין די דאָרטיקע דראַמאַטישע פאַריינען. האָט געהאַט זייער אַ שיינע שטים, און האָט אָנגעהויבן שפּילן מיט טרופּעס אין דער סביבה פון ניו-יאָרק. דערפון האָט ער אָבער ניט געקענט ציען קיין פּרנסה, און ער האָט געעפנט צוזאַמען מיט זיין ברודער אַ רעסטאָראַן, אָבער ער קערט באַלד ווידער צוריק צו דער בינע. אין 1897 האָט ג. געשפּילט אין פילאַדעלפיע, אין 1902-3 א"ד פון פינקעל מיט אַדלערן אין ניו-יאָרק. ג. איז געווען דער ערשטער אַקטיאָר, וואָס איז געקומען פון אַמעריקע אין פּוילן און דאָרט מיטגעבראַכט לאַטיינערס אָפּערעטן, אין וועלכע ער האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אַלס ליבהאָבער-ראָליסט, ווי אויך אין גאָרדינס „מטורף", וועלכן ער האָט געבראַכט אין איירָאָפּע.

ג. איז געווען אַן אויטאָדידאַקט און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פיינעם כאַראַקטער. ער איז געווען פאַרהייראַט מיט אַ שוועסטער פון אַקטיאָר טאַנצמאַן, און איז געשטאָרבן אין ניו-יאָרק פון אַן אָפּעראַציע אויף גאַל-שטיינער

מ. ע. פון שלום פּערלמוטער, משה סימאָנאָף, מישע נאַכאַמקוס און הערמאַן פידלער.

גינצבורג, לואיס מ. [אליהו] דר.

געב. 1870 אין בריסק-דליטא, פאָטער — אַן אַנגראָ-אַקסנהענדלער. סוף פון די 80ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער ענדיקט צוויי פאַקולטעטן מיטן טיטל דר. די לעצטע יאָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער פּריאָדישער יידישער פּרעסע אין ניו-יאָרק.

ג. האָט אין „צוקונפט“ (אָקטאָבער-דעצעמבער 1925) פאַרעפנטלעכט אַ 4 אַקטיקע דראַמע „לאַסאַל“.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, ז. 572.

גינצבורג, סאָניאַ
[שרה טשערעשניאַ]

געבוירן 3 אָקטאָבער 1893 אין איוואַנסק, ראַד. גוב., פּוילן. פאָטער — אַ רימער. געלערנט אַ צייט אין חדר, און אין עלטער פון 8 יאָר געפאָרן קיין וואַרשע צו אַ רייכער מומע. דאָ ווערט ג. אַ שיק-מיידל אין אַ געשעפט, באַקענט זיך מיט דער סאָציאַליסטישער יוגנט, און ווערט אַן אַקטיווע מיטגלידערין אין קלייַנעם „בונד“. דורך דער איניציאַטיוו פון יצחק נאַזשיק ווערט ג. שפּעטער אַריינגענומען אין כאָר פון יידישן טעאַטער, און קערט נאָך אַ קורצער צייט צוריק אַרבעטן אין געשעפט.

אין 1913 טרעט ג. אַרײַן אין גוזיקס טרופּע אין קאָוונע, צוערשט אין כאָר, דערנאָך אויף קליינע ראָלן. אָנקומענדיק אין בעסאַראַביע גייט זי איבער אין אַן אַנדערער טרופּע, וואו זי שפּילט שוין פּרימאַדאָנע-ראָלן. אין קריגס-צייטן האָט ג. געשפּילט אין סיביר, אוקראַאינע, ווייס-רוסלאַנד, פּוילן און צוריק אין רוסלאַנד, וואו זי איז 3 יאָר אַרויסגעטראָטן מיט קאָנצערטן פון יידישע פאָלקסלידער. אין 1926 איז ג. געקומען אין קאַנאַדע, וואו זי שפּילט פון צייט צו צייט. מ. ע.

גיסנעט, מאָריס

ג. איז אייניקע יאָר געווען פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. זיינע פאָלגנדיקע פּיעסן זיינען אויפגעפירט געוואָרן: „שיינדעלע“ אָדער „געבראָכענע הערצער“ (1901), „דער יידישער נחת“ (1903), „דער אפיקורס“, אַ דראַמע (1906), „דער תקיעת כף“, אַ לעבנסבילד (1908) און „געלט“ (1914). די לעצטע פּיעסע איז אויך דערשינען אין דרוק: „געלד“, דראַמע אין פּיער אַקטען, פּרייז 25 סענט, אַרויסגעגעבען פון די אידיש פליי פּאָבלישינג קאָ., ניו-יאָרק, [60 ז. 16°].

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II, (רשימה פון פּיעסן).

גלאַזונאָוו, בעטיע
[בונצע טייקין]

געבוירן 15 אַפּריל 1890 אין זשיטאָמיר, אוקראַאינע. פאָטער — אַ קאָמיסיאָנער. פון ליבע צום טעאַטער אַריינגעטראָטן אין סאַבסייס טרופּע, און זייט איר חתונה מיט גלאַזונאָוו, מיטגעמאַכט דעם זעלבן עטאַפּ וואָס איר מאַן.

אמפּלואַ — גראַנד-דאַמען.

ש. ע.

גלאַזונאָוו, נאַאום
[נחמן גלאַזמאַן]

געבוירן 14 מאַי 1884 אין אישאָמיר, אוקראַאינע. אויפגעצויגן אין זשיטאָמיר. פאָטער — אַ מלמד. געזונגען ביי אַ חזן, שטודירט געזאַנג ביי קאַרשאָן, קאָנצערטמייסטער פון דער אָדעסער רוסישער אָפּערע. פון ליבע צום יידישן טעאַטער אַריינגעטראָטן אין 1903 אין מעערסאָנס טרופּע אין ניקאָלאַיעוו, 1910 געשפּילט ביי קאָמפּאַנעיעץ אין וואַרשע, 1911 אין אָדעס ביי סאַבסיי, און 1912 — אין מאָהילעוו פּאָדאָל., וואו ג. איז רעזשיסער. אין 1913 אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע, וואו ער שפּילט ביז היינט, שטייענדיק אויך דורך דער צייט אייניקע מאָל אין דער שפּיץ פון איינעם פון די אַרגענטינער יידישע טעאַטערס.

ש. ע.

גלאַזמאַן, ברוך

געבוירן 12 יאַנואַר 1893 אין מאָזיר, פּאָלעסיע, אויף דער גרעניץ פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַאינע, אין אַ פאַמיליע פון בעלי-מלאכות. געלערנט אין חדר און ישיבות און וועלטלעכע בילדונג באַקומען פּריוואַט, דערנאָך געלערנט אין דער קיעווער פּעטשערסקער גימנאַזיע און אויף פּערמינאַוס העברעע טעכנישע קורסן. 1911 — עמיגרירט קיין אַמעריקע, וואו ער פאַרנעמט זיך מיט פאַרשיידענע מלאכות און ענדיקט 1915 אַ מיטל-שול און 1918 — דעם אוניווערזיטעט פון שטאַט אָהאַיאָ מיטן טיטל „בעטשלאָר אָף אַרט“.

סוף 1913 דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין „פרייע אַרבייטער שטימע“ און נאָך אַן הפסקה פון 4 יאָר געוואָרן אַקטיוו אין דער יידישער ליטעראַטור. ג. האָט אַרויסגעגעבן אייניקע בענדער דערציילונגען.

ג. האָט אין „אונדזער בוך“, נ. י., מערץ-אַפּריל 1926, פאַרעפנטלעכט „אויף אַ ראַנג“, שאָטן-שפּיל אין דריי אַקטן, פאַרשפּיל און נאָכשפּיל.

ז. רייזען — „לעק. ייד. ליט.“ I, זז. 577-79.

גלאַזמאַן, משה

איז אין די ערשטע יאָרן פון סטאַבילן יידישן טעאַטער אין לעמבערג אויפגעטראָטן אַלס טענאָר, דערנאָך אַרומגעפאָרן איבער רומעניע אַלס ליבהאָבער-ראַליסט. אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער האָט געשפּילט אין וואַריעטע, דערנאָך געוואָרן אַ חזן.

מ. ע. פון משה שאָר.

גלאָזערמאַן, שמואל

געבוירן 21 מערץ 1898 אין אַלגאַראַבאָס, בוענאָס-איירעסער פּראָווינץ, אַרגענטינע. נאָכן פאָטערס טויט איז דער 3 יאָריקער ג. צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַמיליע געבליבן אונטער דער השגחה פון זיין עלטערן ברודער, רב און שוחט אין שטעטל. ביז 15 יאָר פאַרבראַכט אויף יידישע לימודים און נאָכן ענדיקן די עלעמענטאַר-רעגירונגס-שול אוועק קיין בוענאָס איירעס, וואו ער שטודירט אין דער נאַציאָנאַל-שול (גימנאַזיע), פּאַראַלעל אינטערעסירט זיך מיט דער יידישער ליטעראַטור, ווערט אַ סצענאַריוס

אוּן אַ ראָלן-איבערשרייבער אין יידישן טעאַטער, און איבערזעצט פון שפּאַניש אויף יידיש פאָלגנדיקע פּיעסן פון וועלכע דאָס רוב זיינען געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע: „שלעכט געליבטע“ פון ב. בענאָווענטא, „דער משוגענער גאָט“ פון כ. עטשעגאַראַי, „אויף דער זינדיקער ערד“ פון א. גימעראַ, „די טויטע“, „די רעכט פון געזונטן“, אַן אַדאָפּטירונג פון דעם אוראַגווייער דראַמאַטורג פלאָרענציאָ סאַנטשעס, „צווישן אייזן“ פון א. דיסציעפּאָלאַ, „די אייביקע באַוועגונג“ פון דיסציעפּאָלאַ און ר. דע ראָסאַ, „נעלינא“ פון ראָבערטאַ בראַקאָ, „צווישן פיינע יידן“ (אַדאָפּטירונג פון ס. רויסעניאַל און „מיט אָפּגעהאַקטע פליגל“ פון ע. בעריסאַ.

ג. האָט אויך געשריבן אייניקע אָריגינעלע פּיעסן, פון וועלכע ס'זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן: „אין שניט צייט“ (דראַמע אין 3 אַקטן, געשפּילט אויך אין יידישן טעאַטער), „כלה קליידער“ (איינאַקטער), „צווישן קוילן“ (איינאַקטער) און „אין אהל“ (איינאַקטער) [אַלע געדרוקט אין זיין בוך „יונגע וועגן“, אַרויסגעגעבן פון אַ אינטימען חברים-קרייז, בוענאָס-איירעס 1922].

דער ערשטער אַקט פון זיין אַדאָפּטירונג „באַרג אַראָפּ“ פון פלאָרענציאָ סאַנטשעס איז געווען געדרוקט אין „זעגלען“ 1924, דער איינאַקטער „דער ווייסער ראָב“ אין „זעגלען“ 1925, און „יאָסעלע אין חדר“, אַ פראַגמענט פון דינענזאָנס „יאָסעלע“, באַאַרבעט און סצענירט, אין „די יודישע צייטונג“, ב. א., 8 סעפּט. 1926.

ש. ע.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 581-84.

גלאַטשטיין, יעקב

געבוירן 20 אויגוסט 1896 אין לובלין, פּוילן. געלערנט ביי מלמדים דערנאָך פאַר זיך אַליין אין בית-המדרש, שפּעטער אַלס עקסטערן דורכגעמאַכט דעם קורס פון 6 קלאַסן גימנאַזיע. 1914 — עמיגרירט קיין אַמעריקע, וואו ער שטודירט יוס. און דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין „פרייע אַרבייטער שטימע“. אַ געוויסע צייט געלעבט אין אַן אַמעריקאַניזירטער סביבה. ערשט 1919 זיך צוריקגעקערט צו דער יידישער ליטעראַטור, געדרוקט לידער און אַרטיקלען אין פאַרשיידענע אויסגאַבן און אַרויסגעגעבן אייניקע לידער-זאַמלונגען.

ג. האָט פאַרעפנטלעכט אַן איינאַקטער „פּורים-גוואַרדיע“ („קינדער-זשורנאַל“ 1924) און אַ דראַמאַטישע פּאָעמע „נח“ („צוקונפט“, מערץ 1925).

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 584-5.

גלאַנץ, א.

[זע לעיעלעס, א.]

גלימער, נאָרבערט

[געב. 1883 — געשט. סעפּט. 1926]

געב. 1883 אין לעמבערג, גאַליציע. איינער פון די פּאָפּולערסטע יידישע אַקטיאָרן אין גאַליציע. פלעגט זיך אויסצייכנען אין דראַמאַטישע כאַראַקטער-ראָלן, אויך אַלס דעקלאַמאַטאָר.

ג. איז געווען איינער פון די ערשטע, וועלכער פלעגט אויפנעמען אין זיין רעפּערטואַר די דראַמען און מעלאָדראַמען פון גאָרדין, ליבין און זאלאַטאַרעווסקי, אין וועלכע ער פלעגט שפּילן די הויפּטראָלן. ג. איז אין

סעפּטעמבער 1926 געשטאָרבן אין טרעמבאָוולע, גאַליציע.

מ. ע. פון יעקב מעסטעל.

גרשום באַדערס קאַלענדאַר.

גלימער, סטעפאַניע

[שטייף]

געבוירן אין קראַקע, גאַליציע. געווען זייער פּאָפּולער אין גאַליציע סיי אַלס פּרימאַדאָנע אין אָפּערעטן, סיי אַלס דראַמאַטיסטין אין דער דראַמע. געווען פאַרהייראַט מיטן אַקטיאָר זעליג ליבגאָלד, און דערנאָך מיט נאָרבערט גלימער.

גרשום באַדערס קאַלענדאַר.

גליק, הערשעל

געבוירן מערץ 1894 אין ירושלים. באַקומען אַן אָרטאָדאָקסישע דערציאונג, געלערנט אין ישיבת עץ-חיים. אין 1910 געקומען אין אַמעריקע. אין 1912 זיך באַזעצט אין באָסטאָן, וואו ער גרינדעט דראַמאַטישע פאַראיינען, און שרייבט איינאַקטערס פאַר דער „באָסטאָן-קונסט-גרופּע“, וואו ער איז געווען דער פירער.

ג. האָט געשריבן די אָפּערעטן „דער נייער מיליאָנער“ און „אויגן פון ליבע“, וועלכע זיינען אויפגעפירט געוואָרן דורך דזשוליוס נאַטאַנסאָן אין באָסטאָנער גרענד אָפּערע-הויז, דאַן די אָפּערעטע „דער פּרינץ פון ליבע“ די מוזיקאַלישע קאָמעדיע „דאָס בלומען-מיידל“, די מעלאָדראַמע „דער גן-עדן“ (צוזאַמען מיט אהרן נאַגער), די מוזיקאַלישע קאָמעדיע „קאַטערינאַ די גרויסע“ און די מעלאָדראַמעס „אַ קינדס קללה“ און „דער פּרייז פון ליבע“.

אין נאָוועמבער 1929 איז אין טאָראָנטאָ אויפגעפירט געוואָרן דורך נאָוויקאָוו ג.'ס מעלאָדראַמע „ווער איז משוגע“.

ש. ע.

גליקמאַן, אסתר

געב. 1893 אין ביאַליסטאָק, פּוילן. פאָטער — אַ סטאָלער. אַלס קינד פון 2 יאָר געקומען אין אַמעריקע מיט איר פאַמיליע. געענדיקט פּאָבליק-סקול, און געאַרבעט ביי היטן. באַזיצנדיק אַ שטים איז ג. געוואָרן אַ כאָריסטקע ביי געבילן, און בעת דער קראַנקהייט פון אַ פּרימאַדאָנע, זי פאַרטראָטן אין דער ראָל. ג. בלייבט אַ געוויסע צייט ביים דאָזיקן אַמפּלוא, וועלכן זי פאַרלאָזט אָבער באַלד און ווערט אַ כאַראַקטער-ראָליסטין. געשפּילט אין פאַרשיידענע טרופּעס אין ניו-יאָרק און פּראָווינץ. אין 1921 חתונה געהאַט מיט מייקעלזאָן, און זייט דאַמאָלט שפּילט זי צוזאַמען מיט איר מאַן.

מ. ע.

גליקמאַן, יעקב

[געב. אָקט. 1863 — געשט. 1918]

געב. אָקט. 1863 אין בוקאַרעסט, רומעניע, עלטערן — ספרדישע יידן, שטאַמען פון בולגאַריע.

געלערנט אין אַ ישיבה, אויך למודי חול, גוט געקענט דייטש, יידיש און רומעניש. בטבע געווען אַ שטיקל באַהעמע, און דעריבער איז ער אין 1882 צוגעשטאַנען צו גאָלדפאַדענען אין בוקאַרעסט אַלס סופלער. ער פלעגט אויך טיילמאָל איינשטודירן מיט אַקטיאָרן זייערע ראָלן, און איז אַזוי נאָך געוואָרן אַ רעזשיסער.

ביז דער צייט, ווען מאָגולעסקאָ איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, איז ער געווען צוזאַמען מיט אים. שפּעטער האָט ער געמאַכט אַ דירעקציע (בשותפות מיט אַקסעלראַד) האַבנדיק אין דער טרופּע זיינע קינדער און איידעמס.

געשטאָרבן אין 1918 אין טעראַספּאָל, אוקראַאינע.

מ. ע. פון שרה עטינגער.

גליקמאַן, מאַלווינע

[פלאַקסבוים]

געב. 1891 אין וואַרשע, פּוילן, אין אַ חסידישער פאַמיליע. אין 1913 אָנגעהויבן זיך באַטייליקן אין דראַמאַטישן קרייז ביים „הזמיר“, און אין זעלבן יאָר אַריינגעטראָטן אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, מיטמאַכנדיק דעם זעלבן עטאַפּ וואָס איר מאַן מאַרקוס גליקמאַן (אַ חוץ זיין צייט אין געפאַנגען־לאַגער).

ש. ע.

גליקמאַן, מאַרקוס

געב. 19 אַפּריל 1883 אין יאַסי, רומעניע, זון פון טעאַטער־דירעקטאָר און אַקטיאָר יעקב גליקמאַן. געלערנט אין אַ פּרימאַר־שול און דערנאָך אין בוקאַרעסט זיך געלערנט ווערן אַ פאָטאָגראַפיסט.

אין עלטער פון 19 יאָר באַטראָטן די בינע ביי סעגאַלעסקאָ, דערנאָך געשפּילט אין פּוילן, רוסלאַנד, גאַליציע. געפינענדיק זיך בעת דער וועלט־מלחמה אין געפאַנגענשאַפט, האָט ג. געשפּילט מיט די געפאַנגענע „מישקע און מאָשקע“ אין געפאַנגענלאַגער. די פאָרשטעלונג איז באַגלייט געוואָרן פון אַ רומענישער מיליטער־קאַפּעלע, אויך קריגס־געפאַנגענע, דאַן געשפּילט ווידער אין פּוילן, אין 1928 — אין רומעניע.

מ. ע. פון שרה עטינגער.

יעקב מעסטעל — „מלחמה נאָטיצן פון אַ יידישן אָפיציר“, וואַרשע, 1924, II. זז. 70־269.

גליקמאַן, מעכעלע

[געב. בערך 1849 — געשט. 1923]

געב. בערך 1849 אין אָדעס, אוקראַאינע. אַ שטיף־ברודער פון יעקב גליקמאַן. ווייניק געלערנט. געווען ביי ניסן בעלזער אין כאָר און דערנאָך אַרומגעפאָרן מיט בראָדער זינגער און מיטן קוואַרטעט שוואַרץ. געשפּילט ביי גאָלדפאַדענען קליינע ראָלן, און פלעגט זיך אָפּט מיט אים צעקריגן.

ג. האָט געהאַט אַ שיינעם לירע־טענאָר און געווען אַ מנגן און אַ גרויסער וויצלער. אין דער יוגנט פלעגט ער שפּילן בוף־קאָמישע ראָלן על פּי רוב מיט כעגאַלעסקאַס טרופּע.

אַזוי ווי פון שפּילן אַליין האָט ער ניט געקאָנט ציען פּרנסה האָט ער פון צייט צו צייט אויך געאַרבעט ביי בערשטלעך.

אין 1906 איז ער געפאָרן קיין אַמעריקע, איז נאָר איין מאָל אויפגעטראָטן צו אַן ערן־אָוונט, וואָס זיינע לאַנדסלייט האָבן אים איינגעאָרדנט, און איז נאָך אַ יאָר צוריקגעקומען אין רומעניע. דאָ איז ער אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע פון גליקמאַן, שפּעטער ביי אשכנזי, אָבער זייט נאָך דער וועלט־מלחמה פלעגט ער פון צייט צו צייט וואַרפן דאָס שפּילן און זיך נעמען צו אַרבעטן ביי בערשטלעך.

ג. איז געווען אַ נידריקער, און מען פלעגט אים דעריבער רופן „דער קליינער מעכעלע“. אַקטיאָרן פלעגן אים זייער ליב האָבן צוליב זיינע וויצן. זיין באַליבט ווערטל איז געווען: „נו, גענוג גענודעט“.

זיין שטימע איז נאָך געווען אויף דער עלטער אַזוי פריש, אַז אין עלטער פון איינציקע און זעכציק יאָר האָט ער נאָך מיט גרויס דערפאָלג געשפּילט „שמענדריק“, „אַלטערוניו“ אין „דודס פידעלע“ און „חנוך“ אין „אשה רעה“, און ער פלעגט גלענצנד אימיטירן יונגעלייט און גרייזן.

זיין לעצטער אויפטריט אויף דער בינע איז געווען אין 1921 אין דער זשיגניצע אין בוקאַרעסט אַלס „די באָבע יאַכנע“.

לויט די אָנגאַבן פון איציקל גאָלדענבערג זאָל ער זיין געווען דער ערשטער ראָליסט פון דער „באָבע יאַכנע“ ביי גאָלדפאַדען.

אין ווינטער 1923 איז ער געשטאָרבן אין שפּיטאָל אין בראַאילע נאָך אַ כראָנישער מאָגן־קראַנקהייט פון פיל טרינקען.

כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין הומאָר זיינען פאָלגנדיקע צוויי עפּיזאָדן:

ווען מ'האָט אים אַמאָל געפרעגט: „וואָס וועט איר טרינקען — טיי אָדער מילך“, האָט ער באַלד געענטפערט: „טיי און מילך טרינקען קראַנקע, איך בין אַ געזונטער מענטש — איך טרינק וויין אָדער בראַנפן“.

ווען עס זיינען אָנגעקומען זיינע לעצטע מינוטן אין שפּיטאָל, האָט ער זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט און אַ זאָג געטאָן צו די דאָקטוירים: „נו, איצט קענט איר מיך שוין“... און מיט זיין באַליבט ווערטל „נו, גענוג גענודעט“ האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה.

מ. ע. פון שרה עטינגער, חיים טויבער, יצחק ליבערעסקאָ, איציקל גאָלדענבערג, משה שאָר און יעקב מעסטעל.

ב. גאָרין — „געשיכטע פון אידישען טעאַטער“ I, ז. 199.

שלום פּערלמוטער — דער אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער, „די אידישע וועלט“, פילאַדעלפיע, 7 יוני 1929.

גליקמאַן, עטל
[גליק]

געב. 1865 אין יאַסי, רומעניע. עלטערן — כלי־קודש. זי באַפרייט זיך אָבער באַלד פון דער עלטערנס השפעה און פאָרט צו אירע רייכע פאָרטגעשריטענע קרובים אין בוקאַרעסט. דאָרט הויבט זי אָן אַרויסצוטרעטן אין וואָדעוויל, דערנאָך טרעט זי אַריין אין דער טרופּע פון סעגאַלעסקאָ־גראַדנער. נאָכדעם ווי זי האָט חתונה מיט יעקב גליקמאַן, באַטייליקט זי זיך אין איר מאַנס טרופּע.

זייט 1920 האָט זי זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע.

מ. ע. פון שרה עטינגער.

גליקמאַן, עליאַס

געבוירן 1 מאַי 1871 אין זשיטאָמיר, אוקראַאינע. פאָטער — אַ סוחר פון דיאַמאַנטן און פוטערוואַרג. געלערנט על פּי רוב אין דער היים, סיי יידישע לימודים, סיי לימודי־חול. האָט פון קינדווייז־אָן זיך אויסגעצייכנט מיט זינגען און טאַנצן, און שפּעטער זיך באַטייליקט אין רוסישע ליבהאָבער־פאַרשטעלונגען.

צוליב דעם וואָס יידל גאָלדפאַדען האָט געהאַנדלט מיט זיין פאָטער, און פלעגט אים אָפט געבן צו לייענען פאַרשידענע פּיעסן, האָט גליקמאַן געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיטן דאַמאָלטיקן יידישן רעפּערטואַר און האָט זיך אויסגעלערנט אַלע גאָלדפאַדענס פּיעסן אויף אויסווייניק.

אין 1887 וואַנדערט ג. אויס קיין אויסלאַנד, איז אַ קורצע צייט אין בערלין, וואו ער אַרבעט ביי פּאַפּיראָסן, דערנאָך פאָרט ער קיין לאָנדאָן, וואו ער ווערט אַ סטאַטיסט אין סמיטס פּרינצעס־קלאַב, און ווען ס'פעלט אויס אַ ראָליסט אין „ניע בע, ניע מע", באַקומט ער ענדלעך אַ ראָל ווייל ער קען די פּיעסע אויף אויסווייניק. זייט דאַמאָלט גיט אים אַדלער אָפט ראָלן. נאָך דער „שרפה" פאָרט ג. קיין אַמעריקע, אָבער ערשט נאָך פיל שוועריגקייטן געלינגט אים צו ווערן אַ סטאַטיסט אין רומעניע־אָפּערע־הויז. נאָכדעם ווי ער באַקענט זיך מיט דער פאַמיליע הערשמאַן, פאָרט ער קיין טראָי, ניו־יאָרקער שטאַט, וואו ער אָרגאַניזירט פאַרשטעלונגען מיט דער דאָזיקער פאַמיליע. זיי שפּילן דעם גאָלדפאַדען־רעפּערטואַר, און ג. באַטייליקט זיך אין די דאָזיקע פאַרשטעלונגען. באַלד דערויף אָרגאַניזירט ג. אַ טרופּע, וועלכע איז איינע פון די ערשטע צו שפּילן יידיש טעאַטער אין דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ. דאַן באַזעצט זיך ג. אין שיקאַגאָ, וואו ער איז בערך זייט 30 יאָר דירעקטאָר פון דאָרטיקן יידישן טעאַטער, אין וועלכן ער האָט אויך אַ לענגערע צייט מיטגעשפּילט ראָלן פון „שמענדריק" ביז „שיילאָק". לעצטנס טרעט ג. אַרויס בלויז איין מאָל אין יאָר צו זיינע ערן־אָוונטן.

מ. ע.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס־געשיכטע" זז. 98־97.

לואיס רייזנגאָלד — די אַנטוויקלונג פון אידישען טעאַטער אין שיקאַגאָ, „דער אידישער רעקאָרד", שיקאַגאָ, 1920.

גליקסמאַן, לאַורע

געב. 5 פעב. 1885 אין לעמבערג, גאַליציע. פאָטער — מיליטער־ליוועראַנט פון שיך. געענדיקט אַ 4 קלאַסיקע שול. ג. פלעגט באַזוכן דאָס יידישע טעאַטער, גימפּעל דערוויסט זיך, אַז זי האָט אַ שיינע שטים, נעמט ער זי אַריין צו זיך אין כאָר, וואו זי איז אייניקע יאָר בסוד פאַר איר פאָטער. דערנאָך נעמט זי עבל קיין פּשעמישל, וואו זי שפּילט שוין אַזעלכע ראָלן ווי „חאַסיע" אין „אַ מענטש זאָל מען זיין". נאָכן שפּילן ביי אים 2 סעזאָנען, ווערט ג. אַנגאַזשירט צו אַקסעלראַדן, וואו זי שפּילט אייניקע סעזאָנען אין טשערנאָוויץ און אין דער פּראָווינץ, דערנאָך פירט זי 6 יאָר אַ טרופּע בשותפות מיט האַרטן. אין 1914 שפּילט ג. אין ווין ביי פאַדזאַמטשען, און באַטייליקט זיך שפּעטער אין דער „פרייער פאָלקס־בינע" אין ערנסטע דראַמאַטישע ראָלן. אין 1922־3 באַטייליקט זיך ג. אין דער טרופּע פּיקאָן־אַשכנזי, שפּילנדיק אין רומעניע און אויך אין וואַרשע, דאַן 2 סעזאָנען אין פּאַריז ביי בלומענטאַל, 3 סעזאָנען מיט הפסקות אין לאָנדאָן ביי דזש. קעסלער און דערנאָך ווידער אין ווין, וואו זי שפּילט אין דער פאַדזאַמטשע־טרופּע.

ג. האָט זיך אויך באַטייליקט אין אייניקע פילם־בילדער.

מ. ע.

„פּרעסע שטימען פון דער יידישער פרייער פאָלקס ביהנע."

געביל, הערי

געבוירן 15 פעברואַר 1899 אין ניו־יאָרק. עלטערן — מאַקס געביל און דזשעני אַטלאַס. געענדיקט פּאַבליק־ און האַי־סקול און געלערנט 1 יאָר אין קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט. געלערנט יידישע לימודים פּריוואַט. בעת דער וועלט־מלחמה געדינט אַלס פּרייוויליקער אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און דערנאָך אַריינגעטראָטן צו זיין פאָטער אין טעאַטער אַלס מענעדזשער.

ג. האָט אָנגעשריבן אויף ענגליש אַ מעלאָדראַמע „דער פאַרשפּעטעטער מאַן".

מ. ע.

געביל, מאַקס
[מנחם־מענדעל, נחום]

געבוירן 24 דעצעמבער 1877 אין גאָרליצע, מערב־גאַליציע. פאָטער — געהאַט אַ נאַפטהאַנדל, זאָל האָבן געשריבן ביכער אין יידיש, דערונטער אַ בוך וועגן שמחה פּלאַכטע. געלערנט אין חדר, ווישניצער ישיבה און ביי אַ פּריוואַט לערער אַביסל דייטש.

צוליב זיין פאָטערס טויט אין 1888, רייסט ג. איבער די לימודים און פאָרט מיט דער מוטער און שוועסטער צו אַ שוועסטער אין אַמעריקע. דאָ טרעט ער באַלד אַריין אַרבעטן אין אַ שעלקעס־פאַבריק און אין די פרייע שעהן לערנט ער זיך אַליין דייטש און ענגליש.

אין עלטער פון 14 יאָר טרעט ג. אַריין אין „איסט סייד דראַמאַטיק קלאָב“, וואו ער איז אָבער נאָר אַ פּאַסיווער מיטגליד, ערשט אַ יאָר שפּעטער אָרגאַניזירט ער די „יאָנג היברוס דראַמאַטיק קלאָב“ (מיטגלידער: די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן דוד שיינהאָלץ, לואי היימאַן און דער מואווי-אונטערנעמער וויליאַם פּאַקס) און טרעט דאָ אויף אין דער טיטל ראָל פון הורוויצס „דאָס פּוילישע יונגל“ א״ר פון משה זילבערמאַן און קוראַזש. אַ משך פון 3 יאָר איז ג. טעטיק אין דאָזיקן דראַמאַטיק-קלאָב, בלייבנדיק ווייטער אַרבעטן אין דער שעלקעס-פאַבריק. אין דער זעלבער צייט ווערט ג. אַן אייפריקער לייענער פון דער דראַמאַטישער ליטעראַטור אין דייטש. שפּעטער פאָרט ער אַרום איבער דער סביבה פון ניו-יאָרק מיט אַ גרופּע פּראָפעסיאָנעל אַקטיאָרן (יאָזעף קעסלער, נייטאַן ראָזענטאַל, סידני גאָלדין, עני שיינהאָלץ, פּולמאַן א. א.), אָבער נישט מאַכנדיק דערפון קיין לעבן, אַרבעט ער אַלץ נאָך ווייטער אין פאַבריק.

בערך 1895 שרייבט אָן ג. זיין דראַמע אין 4 אַקטן [לויט ב. גאָרין — גענומען פון ענגליש] „דער זעע-קעניג“ (אויפגעפירט אין טורן-האָל, ניו-יאָרק, 4טע סטריט). אַ יאָר שפּעטער פאַרפאַסט ג. זיין דראַמע „טאַטע, מאַמעס צרות“ [באַזירט אויף אַ פאַקט אין דער פאַמיליע איטשע סאָקאָלאָר אין גאַליציע], און ווען ער טרעט דאַן אַריין, שוין אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, אין דער טרופּע פון פילאַדעלפיער טוירט ענד גרין סטריט טעאַטער, ווערט די פּיעסע (מוזיק פון זלמן יאַריכאָווסקי) אויפגעפירט מיט פאָלגנדיקן פּערזאָנאַל: „איטשע סאָקאָלאָר“ — אבא שיינגאָלד, „זיין פרוי“ — סוזי קעסטין, „אברהם“ — סעם קעסטין, „מענדעלע“ — זיגמונט פיינמאַן, „טאָמאַס“ — יאָזעף קעסלער, „טעאפעליק“ — מאַקס געביל, „ברײַנדעלע“ — ליזא איינהאָרן, „הענעלע“ — דיינאַ פיינמאַן, „משה פלינק“ — קאַרל שראַמעק, „דבורה“ — דזשעני אַטלאַס, „אַ דינער“ — סיימאָן. די דאָזיקע פּיעסע איז אין איר צייט געווען איינע פון די פּאָפּולערסטע פּיעסן אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער אין דער גאַנצער וועלט. נאָך אַ צווייטער אויפפירונג פון מחבר אין קליוולאַנד מיט אַ פולשטענדיק נייעם פּערסאָנאַל איז די פּיעסע אין ניו-יאָרק אויפגעפירט געוואָרן אין פּיפּלס-טעאַטער דורך באָרים טאָמאַשעווסקי א״ט „טאַטע מאַמעס צרות אָדער דער יידישער סאָלדאַט“, מיט מוזיק פון יידל בעלזער און זיגמונט מאָגולעסקאָ, וועלכער האָט געשפּילט די ראָל „אברהם“.

אין אייראָפּע איז די פּיעסע צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן אין גימפּעלס לעמבערגער יידישן טעאַטער דורך משה ריכטער, וועלכער האָט די פּיעסע געבראַכט פון אַמעריקע.

דיזעלבע פּיעסע איז אויך געדרוקט געוואָרן אָן וויסן און קאָנטראָל פון מחבר [טאַטע מאַמעס צרות, לעבענסבילד אין 4 אַקטען פאָן געבעל, מוזיק פאָן מאָגולעסקאָ, פּאַדגורזע תרס״ז [1907] פערלאַג פאָן אמקרויט עט פריינד, בוכהאַנדלונג אין פּשעמישל. 39 ז. 16°].

נאָכן שפּילן אַ יאָר אין פילאַדעלפיע, שפּילט ג. אַ יאָר אין קליוולאַנדער פּעררי טעאַטער (מענ. הערי בערנשטיין), וואו ער שרייבט אָן דאָס פאָלקס-שטיק אין 4 אַקטן „קאָשוט לאַיאָש“, וועלכעס ווערט דאָרט אויפגעפירט מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל: „קאָשוט“ — סעם שנייער, „גענעראַל גערגעי“ — מאַקס געביל, „פּעטערפי“ — אייזיק אשכנזי, „לואיזאַ“ — פּעני ריינהאַרדט, „מישקאַ“ — יעקב פרענק, „גראַף טאַפּי“ — גרינבערג, „לייבוש בורקע“ — זאַנוויל שענקמאַן, „פריידע“ — חנה פרענק, „פראַנץ“ — בעטי פרענק, „טעאָדאָר“ — אברהם פרענק.

צוליב דעם וואָס קאָשוט, דער נאַציאָנאַלער העלד פון אונגאַרן, אויף וועמעס לעבנסגעשיכטע ס׳איז געבויט די פּיעסע, איז געשטאָרבן אין קליוולאַנד, און דערפאַר ווייל אין קליוולאַנד איז געווען אַ גרויסע קאָלאָניע פון אונגאַרישע יידן, האָט די פּיעסע געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און איז דערנאָך געשפּילט געוואָרן איבער אַלע יידישע טעאַטערס אין אַמעריקע. אין דערזעלבער צייט ווערט אויך אין קליוולאַנד אויפגעפירט ג.׳ס פרייע באַאַרבעטונג פון פערדינאַנד באָנס קאָמעדיע „שערלאָק האָלמס“.

אין משך פון זיין שפּילן אין קליוולאַנד האָט ג. אין דער אָרטיקער צייטונג „די אידישע וועלט“ פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן טעאַטער, בילדלעך פון ניו יאָרקער לעבן און אַ סעריע אַרטיקלען וועגן קאָשוט.

פון קליוולאַנד גייט ג. איבער קיין פילאַדעלפיע, וואו ער שפּילט 2 יאָר א״ד פון יאַריכאָווסקי און ראָזענבערג, און פירט דאָרט אויף זיינע פּיעסן: „דאָס פאַלשע ווייב“, דראַמע אין 4 אַקטן און „דאָס יידישע האַרץ“ אָדער „די טענער פון כל נדרי“, דראַמע אין 4 אַקטן, ביידע מוזיק פון יאַריכאָווסקי.

איצט קערט זיך אום ג. קיין קליוולאַנד אין דוקען-טעאַטער, וואו ער באַנוצט אַן אָרטיקן גרויסן סטרייק אַלס טעמע פאַר זיין פּיעסע „דער פּרינץ און בידערמאַן-סטרייק“, אַריינפירנדיק אין די מאַסן-סצענעס פון דער אויפפירונג די ווירקלעכע סטרייקערס פון דער דאָזיקער פירמע. דאָ פאַרפאַסט ער אויך און פירט אויף: „אייבראַהאַם לינקאָלן“, דראַמע אין 4 אַקטען און זעצט איבער „דער טייוול“ פון פראַנץ מאָלנאַר, „די היימאַט“ (מאַגדא) פון הערמאַן זודערמאַן און „טרילבי“ פון גריגאָרי גע.

נאָכן אַרומפאָרן אַ סעזאָן מיט אַ טרופּע אויף דער פּראָווינץ, וואו עס ווערן אויפגעפירט ג.׳ס צייט-פּיעסן „קרבנות פון רוסלאַנד“ און „קרבנות פון דער פעדעראַל באַנק“, טרעט ג. אַריין אין ניו-יאָרקער פּיפּלס מיוזיק-האָל (מענ. ליפּשיץ און שמוקלער), וואו ער שפּילט 4 יאָר צייט איינאַקטיקע סקעטשעס צוזאַמען מיט סעם קעסטין, קלאַראַ יאָנג, זיגמונד און רבקה וויינטרויב, אָסקאַר סאָלאָמאָנעסקאָ, יוסף גראַפּער און מיני בערלין. דאָ נעמט ג. שרייבן איינאַקטיקע סקעטשעס, וועלכע זיינען כמעט אַלע געבויט אויף טאָג-פּאַסירונגען אָדער אויף צייטונגס-נאָטיצן. די פּאָפּולערסטע פון יענע איינאַקטערס זיינען: „רייזעלע“, „דער טאַטע פון דער געטאָ“, „די אַריסטאָקראַטישע מכה“, „חתונה פּרעזענטער“, „דער בעל-טובהניק“, „דער גרינער פּלימעניק“, „ווערדזשינום אין אַ טענעמענט-הויז“.

דערנאָך לאָזט ג. איבערבויען די קירך אויף 8 פאָרסייט-סטריט אַלס טעאַטער און עפנט דאָרט צוזאַמען מיט יאָשע לואיס „געבילס סטאַר טעאַטער“, וואו ער שפּילט אַ יאָר צייט און פירט אויף אַ ריי זיינע נייע איינאַקטערס און זיינע פּיעסן „הלל הזקן“, דראַמע אין 4 אַקטן, „דאָס גאָלדענע קאַלב“ און דאָס צייט-בילד „חורבן סאַן פראַנציסקאָ“. דאָס טעאַטער ווערט אָבער פאַרמאַכט ווייל די שטאָט-פאַרוואַלטונג נעמט צו דעם בנין ביים בויען די וויליאַמסבורג-בריק. ג. גייט דאַן איבער אין בויסס וואָדעוויל-האַוז, וואו ער שרייבט אָן און פירט אויף זיינע נייע איינאַקטערס (צוזאַמען 92). פון די לעצטע זיינען באַזונדערס פּאָפּולער: „דריי מינוט טויט“, דערשינען אַלס קאָמעדיע אין איין אַקט, בעאַרבייט פון אַרטיסט קוסטין, פערלאַג ת. יאַקובסאָן און מ. גאָלדבערג, וואַרשא 1926, 16 ז. 16° [אָן דער ידיעה פון קוסטין, וועלכער לייקנט אָפּ, אַז ער האָט די קאָמעדיע באַאַרבעט], „ווען פרויען וויינען“, „דער יוניאָן-מאַן“, „אַ טובה פון אַ בעל-הבית“, „דער דאָפּלגענגער“.

אַ יאָר שפּעטער שפּילט ג. אַ סעזאָן אין וויניפּעג, וואו ער פירט אויף זיין קאָמעדיע „שיינע פרויען“, מוזיק פון רומשינסקי און טרעט דערנאָך אַריין אויף איין סעזאָן צו אַגעד אין וואָדעוויל (ניו-יאָרק), וואו ער פירט אויף זיין צייט-בילד „חורבן-איטאַליע“. דערנאָך טרעט ג. אַריין אין דאָס 3טע סטריט טעאַטער (מענ. דוד באַטעלסטאָן),

וואו ער פירט אויף זיינע פאָלגענדיקע פיעסען: „אַ נאַכט אין צאַרנלאַנד“, דראַמע אין 3 אַקטן, „קול שופר“, מעלאָדראַמע, וועלכע איז געשפילט געוואָרן 44 וואָכן („אברהם“ — געביל, „טוצי“ — דזשעני גאָלדשטיין), „אַמעריקע גנב“, קאָמעדיע־דראַמע אין 4 אַקטן, „גריגאָרי גערשוני“, צייטבילד, „דעם פרעזידענטס טאָכטער“, קאָמעדיע, „פאַרקויפטע נשמות“, דראַמע [גאָרין באַמערקט, אַז דאָס איז אַ באַאַרבעטונג פון פאָטאַפענקאָס „דוואַ פאָקאָליעניאַ“, וואָס געביל לייקנט אָנטשידן אָפ. די דאָזיקע פיעסע איז דערנאָך אויפגעפירט געוואָרן אין פיפלס טעאַטער דורך שילדקרויט, וועלכער האָט געשפילט די הויפטראָל], „די יידישע טאָכטער“, דראַמע אין 3 אַקטן, „מאָיער, הייוואוד און פעטעבאָן“, אַ צייטבילד, „די רעוואָלוציאָן אין פאָרטוגאַל“, אַ צייטבילד, „דער מענטש פון הימל“, מעלאָדראַמע אין 4 אַקטן, „ווען די איסט סייד שלאָפט“, קאָמעדיע־דראַמע, „מיידלעך“, קאָמעדיע אין 4 אַקטן, „פאָטער גאַפאָן“, אַ צייטבילד. „די פרוי פון די הויכע פענסטער“ (קאָמעדיע, גענ. מען פון מאָליערס „זשאָרזש דאַנדען“) און „דער קריפל“, (באַאַרבעטונג פון דער ענגלישער פיעסע „די צוויי יתומים“). אויפן דריטן און פערטן סעזאָן איז ג. געוואָרן אַ מיטשותף צום טעאַטער, ביז ער נעמט איבער דאָס קאָמעדיע טעאַטער אויף סאָפאָלק סטריט, וועלכעס ער רופט אָן געבילס קאָמעדיע טעאַטער. דאָ פירט ג. אויף זיינע פיעסן: „די מאָראַל פרעדיקער“, מעלאָדראַמע אין 4 אַקטן און „די שטאָט־גנבים“, מעלאָדראַמע, און די איבערזעצונג פון דזשעמס אָניעלס „מאָנטאָ קריסטאָ“. כמעט סוף סעזאָן ווערט דאָס טעאַטער פאַרמאַכט דורכן פייער־דעפאַרטמענט.

איצט ווידמעט זיך ג. כמעט אויסשליסלעך דער מעלאָדראַמע. אַריינגעטראָטן אין ברוקלינער גאָלד־טעאַטער, פירט ג. דאָרט אויף זיין מעלאָדראַמע „נאָך 16 יאָר“, די מעלאָדראַמע „אַ מיידלס חלום“, „דער יצר־הרע“, דראַמע אין 4 אַקטן און „דער נאַר און די חכמים“ (אַדאַפטירט פון לודוויג פולדאַס קאָמעדיע „דער דומפקאָפף“). דערנאָך טרעט אַריין ג. אין ברוקלינער ליריק טעאַטער (מענ. סימקאָוויטש און נייטען גאָלדבערג) און פירט דאָרט אויף זיינע פיעסן: „דער דאַנק פון קינדער“, „קינדער־יאָרן“, דראַמע (אידעע גענומען פון איבסענס „ווילדע קאַטשקע“), „הערשל אַסטראָפאָלער“, „קאָלאָמבוס“ (נאָר איין מאָל געשפילט) און „דער שטילער מאָרד“, מעלאָדראַמע. פון דאַנען גייט ג. איבער אויף אַ קורצער צייט אין גרענד מיוזיק האָל (מענ. עמאַנועל און ל. גילראַד) און פירט דאָרט אויף זיין לעבנסבילד אין 4 אַקטן „בלינדע מענער“ אָדער „דאָס לעבן אויף סעקאָנד עוועניו“. שפעטער פאָרט ג. אַרום איבער דער פראָווינץ אַ סעזאָן צייט און אויף זומער ווערט ער דירעקטאָר פון פיפלס־טעאַטער, וואו ער פירט אויף „דאָס גאַסן־מיידל“ (סוזשעט פון יושקעוויטשס דראַמע „אין שטאָט“). אין דער דאָזיקער פיעסע האָבן זיך באַטייליקט סעראַ אַדלער, דזשעני גאָלדשטיין, אַננאַ אַפעל, מישאַ גערמאַן, באָריס ראָזענטאַל, יעקב וועקסלער, יעטאַ שאָר און אברהם פישקינד. אין די אַלע פיעסן שפילט ג. די הויפט־מענער־ראָלן, און באַזונדער פאָפולער איז געוואָרן זיין „ייד מיט די טשוועקעס“ אין „דאָס גאַסן־מיידל“, וועלכע ווערט טיילמאָל אויך גערופן אויפן נאָמען פון דער הויפט מענער־ראָלע.

נאָכן שפילן אַ סעזאָן אין באַלטימאָר אין פרינצעס טעאַטער (מענ. סעם ראָוז), וואו ג. פירט אויף זיין היסטאָרישע דראַמע „קעניג און רבי“ מיט מוזיק פון ראָוז, קומט ג. צוריק קיין ניו־יאָרק און נעמט איבער דאָס ליפצין־טעאַטער, וועלכעס ער רופט געבילס פאָלקס־טעאַטער און מאַכט עס פאַר דער היים פון דער יידישער מעלאָדראַמע. דאָ פירט ער אויף זיין מעלאָדראַמע „דאָס ריינע געוויסן“, וועלכע ווערט געשפילט אַ גאַנצן סעזאָן („יאָשע צדיק“ — מאַקס געביל, „עטי“ — דזשעני גאָלדשטיין), „אַ מאַמעס געבעט“, לעבנסבילד פון דער איסט־סייד, „אַ מאַנס שפילצייג“, „גאָלדעלע“ אָדער „אַלץ פאַר ליבע“, קאָמעדיע אין 4 אַקטן, „פאַבליק אָפיניאָן“, מעלאָדראַמע [געדרוקט גלייכצייטיק אַלס ראָמאַן, נאָוועליזירט דורך אסתר באַלטיק אין „דיאַ וואַרהייט“], „פאַרלוירענע יוגנט“, „אנשטענדיקע מענטשן“ (באַאַרבעטונג פון דער ענגלישער פיעסע „קאַמאַן קלעי“), „איידעלע געפילן“, „דר. דזשעקל און מר. הייד“ (איבערזעצונג פון ענגליש), „חאַצקעל שוסטער“, מעלאָדראַמע פון געביל און קאַלמאַנאָוויטש, „די בייבי־ווייף“, קאָמעדיע אין 4 אַקטען, „הייליקע ליבע“, דראַמע אין 4 אַקטן, „אַ מיידל אָן אַ האַרץ“ פון זאַלאַטאַרעווסקי, באַאַרבעט פון געביל.

אין 1917 האָט ג. אויפגעפירט גאָרינס באַאַרבעטונג פון וואָלפסאָנס „לייכטזין און פרעמעליי“ א״נ „דער צבועק“.

6 יאָר שפילט ג. אין ליפצין טעאַטער און עפנט דערנאָך דאָס מאַונט מאָרים טעאַטער אין האַרלעם. דאָרט פירט ער אויף זיינע פיעסן: „צופיל געלט“, אָפערעטע, מוזיק פון פרידזעל, „צרות פון ליבע“, דראַמע מיט מוזיק פון פרידזעל, „שפרינצע אויף ריווערסייד דרייוו“, אָפערעטע, מוזיק פון פרידזעל, „ליידיס גאַרמענט“, קאָמעדיע מיט מוזיק פון פרידזעל און „בענקענדע הערצער“, אָפערעטע פון געביל און שטיינבערג, מוזיק פון פרידזעל. 2 יאָר שפעטער קערט ג. צוריק אין פיפלס טעאַטער, וואו ער איז דירעקטאָר צוזאַמען מיט מאַקס ר. ווילנער און פירט אויף פאָלגנדיקע פיעסן: „דער גרויסער מאָמענט“, מעלאָדראַמע אין 4 אַקטן (געשפילט געוואָרן אַ גאַנצן סעזאָן), „שטאָל און אייזן“, מעלאָדראַמע אין 4 אַקטן, „אַ פרוי פון דער וועלט“, מעלאָדראַמע פון געביל און שטיינבערג און „וואָס וועלן מענטשן זאָגן?“

זומער 1926 שפילט ג. 2 וואָכן אין לאָנדאָן און אינם ווינטער־סעזאָן פון זעלבן יאָר פירט ער אויף אין פיפלס־טעאַטער, ניו יאָרק: „דאָס אַנטלאָפענע מיידל“ פון געביל און קאַלמאַנאָוויטש, „טייערער פון לעבן“, דראַמע אין דריי אַקטן, מוזיק פון וואָהל, „אַ געשיכטע פון ליבע“, מעלאָדראַמע אין 4 אַקטן, „אַמעריקאַנער קינדער“, אָפערעטע אין 3 אַקטן, מוזיק פון וואָהל, „דער לייטער פון לעבן“ פון געביל און איזראַעל ראָזענבערג, „איר גרויסער סוד“ פון געביל און פריימאַן און „איר מאַמעס חופה־קלייד“ פון געביל און שטיינבערג.

נאָכן אַרומפאָרן אייניקע חדשים איבער דער פראָווינץ האָט ג. צום סעזאָן 1929-30 איבערגענומען דאָס פאַבליק טעאַטער א״נ געבילס פאַבליק טעאַטער און עס געעפנט מיט זיין מעלאָדראַמע „ליבע און פאָליטיק“.

אין לעמבערגער „טאָגבלאַט“ („דער מאָרגען“) ווי אויך אין אַנדערע פעריאָדישע אויסגאַבן אין אַמעריקע פאַרעפנטלעכט ג. פון צייט צו צייט אַרטיקלען אָדער זכרונות וועגן יידישן טעאַטער.

אין וואַרשע איז אין 1928 אָן ג.׳ס וויסן דערשינען אַ פיעסע „דער גרויסער מאָמענט פון מאַקס געביל“, וועלכע איז פאַקטיש משה שאָרס פיעסע „טויט־שטראָף“ און האָט קיין שום שיכות מיט ג.׳ס „דער גרויסער מאָמענט“.

הגם ג. שרייבט זיינע פיעסן אויסשליסלעך פאַר זיינע אייגענע טרופעס, ווערן די פיעסן אומלעגאַל געבראַכט קיין אייראָפע און ווערן דאָרט געשפילט פון פעלערהאַפטע קאָפיעס, גאַנץ אָפט אונטער אַנדערע נעמען, ניט אָנגעבענדיק ג. אַלס מחבר.

ג. איז געווען דער פרעזידענט פון פאַרלאַגס־קאָמיטעט פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“.

מ. ע.

זלמן רייזען — „לעק. ייד. ליט.“ I, זז. 594-95.
ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II, זז. 260, 279.

אוריאל מזיק — בילדער גאַלעריע פון אונזערע אידישע שוישפּילער, „דער טאָג“, נ. י. 16 מערץ 1917.

וו. עדלין — דער סוד פון ערפאָלג פון „רייגער געוויסען“, „דער טאָג“, נ. י., 21 פעברואַר 1917.

דר. י. ז. שובין — „פּאָבליק אָפּיניאָן“ אין געבילס טעאַטער, „דער טאָג“, נ. י. 5 סעפּט. 1917.

ב. באָרוכאָוו — אידישער פאָלקס-געשמאַק, „דיא וואַרהייט“, נ. י., 10 מערץ, 1917.

י. גאָניקמאַן — דיא דריי עלעמענטען אין מאַקס געביל׳ס פּיעסען, „דיא וואַרהייט“, נ. י., 8 דעצ. 1917.

שיילאָק׳ס אייניקעל — בראָדוויי אויף דער בויערי און סעקאָנד עוועניו, „דיא וואַרהייט“, נ. י. 5 סעפּטעמבער 1918.

הלל ראָגאָף — געביל׳ס אַן אייגענע מעלאָדראַמע אין געבילס טעאַטער, „פאָרוו.“ 28 מערץ 1919.

אב. קאהאן — געביל׳ס נייע פּיעסע, „פאָרוו.“, נ י. 24 סעפּט. 1920.

א. באָגאָפּאָלסקי — „שטאָל און אייזען“, „יידטג“בל“, נ. י. 10 אָקט. 1924.

אלף-אלף — „שטאָל און אייזען“, „מאז“ש“, נ. י., 17 אָקטאָבער 1924.

ק. מרמר — „שטאָל און אייזען“ אין געביל׳ס טעאַטער, „פרייהייט“, נ. י., 10 אָקטאָבער 1924.

אברהם מאָריסאָן — שטאָל און אייזען, מאַקס געביל און ק. מרמר׳ס קריטיק, „פרייהייט“, נ. י. 24 אָקטאָבער 1924.

דר. א. מוקדוני — ליטעראַרישע אבערגלויבענס, „מאז“ש“, נ. י. 14 נאָוו. 1924.

אב. קאהאן — וואָס איז אַ מעלאָדראמא?, „פאָרוו.“, נ. י. 7 נאָוו. 1924.

יעקב קירשענבוים — מאַקס געביל וועגען דעם אמת אין דער מעלאָדראַמע, „אַמעריקאַנער“, נ. י. 25 דעצעמבער 1925.

יעקב קירשענבוים — געביל און די אידישע מעלאָדראַמע, „טעאַטער און קונסט“, 2 ז. 28.

ח. עהרענרייך — דער 50 יאָהריגער יובילעאום פון מאַקס געביל, „פאָרוו.“ 17 דעצ. 1926.

ה. לאַנג — אין טעאַטער וואו דאָס פאָלק געהט, „גערעכטיגקייט“, 18 נאָוועמבער 1927.

א. פרומקין — אידיש טעאַטער אין אַ קראַנקען צושטאַנד — זאָגט מאַקס געביל, „מאָ“זש“, 25 נאָוו. 1927.

ל. קעסנער — וואו ליגט דער סוד פון געביל׳ס ערפאָלג? „איד. טאָג“, 13 יאַנ. 1928.

מאַקס געביל — איך און דאָס פּובליקום, „דער טאָג“, נ. י. 24 פעב. 1928.

ז. קאָרנבליטה — „די דראַמאַטישע קונסט“, זז. 87-182.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער-עוועניו, „פרייע אַרבייטער שטימע“, 22 פעברואַר 1929.

א. פרומקין — מאַקס געביל׳ס נייע מעלאָדראַמע, „ברוקלינער אידישע שטימע“, 1 נאָוועמבער 1929.

געבירטיג, מרדכי

געב. 4 מאַי 1877 אין קראָקע, גאַליציע. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך געוואָרן אַ טישלער. אין דער יוגנט זיך באַטייליקט אַלס „ליבהאָבער“ אין סצענישע אויפפירונגען און אַרויסגעוויזן פעאיגקייטן אַלס שוישפּילער און רעזשיסער. אברהם רייזען האָט אין זיין „יידיש וואָרט“ אים פאָרגעזאָגט אַ גלענצענדע סצענישע צוקונפט. ג. פאַרלאָזט אָבער באַלד די בינע, און אונטער רייזענס השפּעה הייבט ער אָן אין 1905 צו דרוקן אין „סאָציאַל-דעמאָקראַט“ טעאַטער-רעצענזיעס און לידער. שפּעטער דרוקט ג. לידער אין „פאָרווערטס“, „פרייע אַרבעטער שטימע“ א. א., נעמט אָבער באַלד שרייבן פאָלקסטימלעכע לידער, צו וועלכע ער פאַרפאַסט אַליין מעלאָדיעס. מאַנכע פון ג.׳ס לידער ווערן אין גאַליציע געזונגען אַלס „פאָלקסלידער“. ג.׳ס אַנדערע לידער ווי „הוליעט, הוליעט, קינדערלעך“, „קינדער-יאָרן“ זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין משה שאָרס אָפּערעטע „די רומענישע חתונה“, אויך מאָלי פּיקאָן זינגט אין אירע אָפּערעטן ג.׳ס לידער. אַ טייל לידער פון ג. זיינען דורך אים אינסצענירט געוואָרן פאַר די פאַרשיידענע קליין-קונסט-בינעס אין פּוילן, באַזונדערס פאַרן „אַזאַזעל“.

ג. האָט אין 1920 אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג לידער א“נ „פאָלקסטימלעך“.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, 6-595.

משה בלעכער — מרדכי געבירטיג — „טעאַט“צט“, וואַרשע, (8), 1, 1929.

געטליכערמאַן, משה-לייב

געב. 1897 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַ לעדער-גאַלאַנטעריע פאַבריקאַנט, וועלכער האָט ליב געהאַט יידיש טעאַטער און פלעגט אָפט אַהין מיטנעמען זיין זון, ביי וועמען עס דערוועקט זיך אַ שטאַרקער חשק צו דער בינע. ג. רייסט איבער זיינע למודים, ער באַקענט זיך מיט אייניקע אַקטיאָרן און לאָזט זיך מיט זיי וואַנדערן איבער דער „מדינה“. במשך פון די 15 יאָר, וואָס ג. איז פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער, שפּילט ער אין דער פּוילישער פּראָווינץ.

ש. ע.

געלבאַרט, מיכל

געב. 21 אויגוסט 1889 אין אָזאָרקאָוו, פּוילן. צו 6 יאָר געוואָרן אַ משורר ביי זיין פאָטער, אַן אנגעזעענער ייד און אַ בעל-תפלה, אין אַ יאָר אַרום — ביים שטאָטישן חזן און גלייכצייטיק זיך באַטייליקט אין קינדער-ראָלן אין „ליבהאָבער“-פאָרשטעלונגען פון היסטאָרישע פּיעסן. דערנאָך געזונגען אַלס משורר ביים קוטנער חזן. צו 15 יאָר געוואָרן כאָריסט ביי זאַנדבערג אין לאָדזש. צו 16 יאָר — דיריגענט פון דער דאָרטיקער שטאָט-שול.

1909-10 — אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ מיט דער טרופּע א“ד פון ראָזאַ אַרנשטיין. דאָרט האָט ג. געשריבן מוזיק צו איבערנאַכט אָנגעשריבענע פּיעסן און בשעת-הדחק אַליין אָנגעשריבן אַ פּיעסע „מכירת יוסף“. 1911 — אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ מיט דער טרופּע פון טיטעלמאַן און אַדאָלף בערמאַן.

1912 — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און אין 1916 געווען דיריגענט און פּיאַניסט אין אַ פּראָווינץ-טרופּע א“פ פון בולמאַן און זילבערקאַסטען. דאָ פלעגט ג. שרייבן די מוזיק פאַר זילבערקאַסטענס פּיעסן, וועלכע די טרופּע פלעגט שפּילן. דערנאָך האָט זיך ג. באַזעצט אין אַ קליין שטעטל, וואו ער איז געווען חזן און אין 1917 געוואָרן אַ לערער פון געזאַנג און אַלגעמיינע למודים אין „אַרבייטער-רינג“-שולן.

ג. האָט פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען וועגן יידישער מוזיק, געשריבן קריטיק וועגן מוזיק און געשאַפן קאָמפּאָזיציעס צו לידער פון דער יונגער יידישער דיכטונג.

ג. האָט געשריבן קאָמפּאָזיציעס צו די פאָלגנדיקע קינדער-פּיעסן: „ווייס-שנייעלע“ פון י. ראַווין (אויפגעפירט אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט-טעאַטער), „ווינטער-וואַלד“ פון דוד קאַסעל (אויפגעפירט אין פילאַדעלפיער אַקאַדעמי אָף מיוזיק), „די סוחרים פון

פּעפּער" פון י. קאַטלער (אויפגעפירט אין איינציקע שטעט) און צו איינציקע שפּילן פון „מאַדיאַקאַט"-טעאַטער.

זומער 1929 האָט ג. געשריבן מוזיק און אויפגעפירט אין „קינ-דערלאַנד קעמפּ" אייזיק פּלאַטנערס „וואָס דער טאָג דערציילט" און 2 „ניילאַנד"-פאָרשטעלונגען פון ב. מאַזאָר און י. קאַמינעצקי.

אַ טייל פון ג.'ס קאָמפּאָזיציעס א"נ „לאָמיר קינדער זינגען" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די „אַרבעטער רינג-שולן" אין אַמע-ריקע.

1928 איז ג. געווען דיריגענט פון פילאַדעלפיער „פרייהייט"-גע-זאַנגס-פאַריין.

ש. ע.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I. זז. 598-9.

די יודישע מוזיק אין אַמעריקא (אַ שמועס מיט געלבאַרדן) „נפל"בט", לאָדז, 28 יוני, 1928.

געלינג, בערנאַרד

געב. 15 דעצ. 1899 אין סובאַלק, פּוילן. פאָטער — אַ שניידער, וואָס פלעגט צו-ביסלעך שפּילן פידל אויף חתונות.

געלערנט אין חדר, שפּעטער אין סובאַל-קער ישיבה. האָט אויך ביז 14 יאָר געלערנט העברעאיש, דייטש און רוסיש.

אין 1914 איז ג. געקומען צו זיין פאָטער קיין אַמעריקע. ביי טאָג האָט ער געאַרבעט אין שאַפּ און אין אוונט געלערנט אין אָוונט-שול.

ג. לערנט אויך די טעאָריע פון מוזיק, טרעט אַריין אין דראַמאַ-טישע קלובן און אין 1918 הייבט ער אָן פּראָפעסיאָנעל שפּילן אויף דער פּראָווינץ. אין 1922 באַטייליקט ער זיך אין קונסט-טעאַטער, זייט דאַמאָלט שפּילט ער פון צייט צו צייט אויף דער פּראָווינץ און קאַנאַדע.

געלים, לעאָן

[געב. 1857 — געשט. 1925]

געבוירן 1857 אין בערשאָן, רוסלאַנד. פאָטער — אַ חזן. ביז צו דער חתונה געלערנט אין אַ ישיבה, דערנאָך געוואָרן אַ סוחר, און באַטייליקט זיך אין ליבהאָבער-פאָרשטעלונגען. אין 1887 הייבט ער אָן שפּילן פּראָפעסיאָנעל.

ג. האָט יאָרן-לאַנג געשפּילט אין די טרופּעס: שמ"ר אין רוסלאַנד, קאַמינסקי אין פּוילן, גימפּעל אין גאַליציע, און דערנאָך על פּי רוב געווען דירעקטאָר אין פּאַריז און לאָנדאָן.

צוזאַמען מיט ג. פלעגן אויך שפּילן זיין פרוי פּאָליע און זייערע צוויי טעכטער.

ג. זאָל אויך האָבן פאַרפאַסט אַ פּיעסע.

אין 1925 איז ג. געשטאָרבן אין פּאַריז ביי זיינע זין, אַנגראָ-פּו-טערהענדלער.

ש. ע. פון רעגינע ווינער-לאַכטיגער.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." I. ז. 234.

מ. מיאַדאָווניק — „מיינע טעאַטער-זיכרוינעס", „דער שטערן", מינסק, 1, 1926.

דייוויד קעסלער — פון כערסאָן ביז ראָסטאָוו, „דער טאָג", נ. י. 28 יאַנואַר 1917.

געלער, מ.

געבוירן אין קעשעניעוו, בעסאַראַביע, אַן אינטעליגענט, וואָס איז דערנאָך געוואָרן דאָקטאָר מעדיצין אין פּאַריז. געחלומט צו ווערן אַן אַקטיאָר, און האָט אָנגעשריבן אַ פּיעסע „מעכטשע דער שדכן", וועלכע איז אין אָנהייב 1881 אויפגעפירט געוואָרן אין קע-שעניעוו אין מאָזערס זאַל דורך אַ גרופּע ליבהאָבער, אָנגעפירט פון מחבר. אין דער פּיעסע טרעטן אויף צום ערשטן מאָל די שפּע-טערדיקע אַקטיאָרן קעסלער (שפּילט דעם ליבהאָבער) און לעאָן נאַ-דאָלסקי („מעכטשע"). די ליבהאָבער פירן אויף דערנאָך די פּיעסע אין דובאָסאַרי.

מ. אָשעראָוויטש — „דוד קעסלער און מוני ווייזענפריינד", נ. י. 1930, זז. 59-58.

גענפער, סאָלאָמאָן

[געב. 1874 — געשט. 5 אויגוסט 1913]

געבוירן 1874 אין קרעמענטשוג, אוקראַאי-נע. געווען אַ האַנדלס-אָנגעשטעלטער אין אַ מאַנופאַקטור-געשעפט. דורך זיין באַקאַנט-שאַפט מיט דער רוסיש-יידישער זינגערין סטרעלסקאַ (מיט וועלכער ער האָט דערנאָך חתונה געהאַט) צוגעצויגן צום יידישן טעאַ-טער, איז ג. געוואָרן איינער פון די פּעאיק-סטע און פּאָפּולערסטע טעאַטער-אונטערנע-מער. זיין טרופּע האָט, לויט זיין צייט, תמיד זיך אויסגעצייכנט מיט אַ בעסערן אַנסאַמבל, רעפּערטואַר און אויסשטאַטונג.

דורך פּאָפּולערע פּרייזן האָט ער צוגעצויגן אַלס טעאַטער-גייער די ברייטסטע אידישע מאַסען.

דעם 5 אויגוסט 1913 איז ג. געשטאָרבן אין ווילנע.

נאָך זיין טויט איז די טרופּע, ביז צום אויסבראָך פון דער מלחמה, ווייטער געפירט געוואָרן דורך זיינע צוויי ברידער.

מ. ע. פון נחום ליפּאָווסקי און א. ג. קאָמפּאַנעיעץ.

געצמאַן, זשאַן

[שמואל יעקב]

געבוירן 3 אויגוסט 1879 אין יאַנאָוו, לוב-לינער גוב. פּוילן. פאָטער — אַ פעלדשער. געענדיקט די 4-קלאַסיקע רעגירונגס שול אין לובלין און געאַרבעט אַלס אַ פריזירער. צו-ליב זיין נייגונג צו מוזיק, פאַרנאַכלעסיקט זיין פאַך און זיך אָפּגעבן מיט שפּילן וויאָלין. דער פאָטער גיט אים דאַן אַריין אין לובלינער פּוילישן שפּיטאָל צו פּראַקטיצירן אַלס פעלד-שער.

ג. הייבט אָן זינגען, און טרעט אַרויס אין אַ געמישטן כאָר פון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע. דאָ ציט ער אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון מוזיק-מבינים און נעמט לערנען מוזיק ביים דירעקטאָר פון פּוילישן מוזיקאַלישן פאַריין. אין 1903 פאָרט ג. קיין בערלין, וואו ער אַרבעט אַלס פריזירער און שטו-דירט אין קאָנסערוואַטאָריע. אין 1904 טרעט ג. אַריין אין בערלין אין אַ יידישער טרופּע (פּאַלאַסט-טעאַטער) און שפּילט אַ יאָר די געזאַנג-ליבהאָבער אין אָפּערעטן-רעפּערטואַר. בעת אַ באַזוך אין יידישן טעאַטער אַנגאַזשירט אים דער דירעקטאָר פון דער בער-

לינער קאָמישער אָפּערע, האַנס גרענאַר, אויף 5 יאָר אַלס סאָליסט אין דער אָפּערע, אָבער נאָך 2 יאָר ווערט די אָפּערע פאַרמאַכט און ג. ווערט אין 1907 אַנגאַזשירט אין דער נירנבערגער אָפּערע, דערנאָך גאַסטראָלירט ער אין בערלין און אין אַנדערע דייטשע שטעט, און נאָך דער מלחמה ווערט ער קינסטלערישער לייטער פון בערלינער קאָלאָסעאום קאָנצערט־זאַל.

ש. ע. פון יעקב וואַקסמאַן.

גערטלער, סעם
[ישראל]

געב. 15 אַפּריל 1896 אין סקאַלאַ, ביים זברוטש, מזרח־גאַליציע. פאָטער — אַ מעל־סוחר. געלערנט אין חדר.

אין 1907 געקומען צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע קיין אַמעריקע, און צוליב דער עקאָנאָמישער לאַגע געוואָרן אַ ציימונגס־פאַרקויפער אין ניו־יאָרק. גלייכצייטיק האָט ג. באַזוכט פּאָבליק־סקול. צווישן זיינע קונים זיינען געווען די אַקטיאָרן קעסלער און אַדלער, און אַזוי נאָך האָט ער געהאַט די געלעגנהייט צו ווערן אַ טעאַטער־פּאַטריאָט און פלעגט אויספירן פאַרשיידענע שליחותן פאַר זיי.

אין 1913 אָרגאַניזירט ער מיט חברים דעם קעסלער־דראַמאַטיק־קלוב און שפּילט דאָרט ערשטע ראָלן. ער באַטייליקט זיך אויך אין דער אויפפירונג פון גאָרדינס „שלמה'קע שאַרלאַטאַן", וועלכע קעסלער רעזשיסירט, שפּעטער באַקענט ער זיך מיט היימי דזשייקאָבסאָן, וועלכער רעקאָמענדירט אים צום מענעדזשער סעמועל גראָסמאַן אין שיקאַגאָ, וואו ער שפּילט ביז 1917.

אין שיקאַגאָ ווערט ג. אַ מיטגליד אין דער אַקטיאָרן־יוניע, וועלכע מוני ווייזענפריינד האָט אָרגאַניזירט, אָבער ווען די דאָזיקע יוניע צעפאַלט זיך, פאַרלאָזט ג. די בינע און ווערט אויף איניקע יאָר אַ ביזנעס־מאַן. ערשט די קאָלעגן זיינע דערמוטיקן אים ווידער אָנהויבן שפּילן טעאַטער, און ער באַטייליקט זיך דאַן אין פאַרשיידענע טרופּעס. נאָכדעם ווי ער ווערט אַ מיטגליד אין דער יוניע, הויבט ער אָן אין 1924 צו שפּילן אין טאָראָנטאָ. דאָ קומען אָן גאַסטראָלירן געביל און דזשעני גאָלדשטיין, און זיי אַנגאַזשירן אים צו זיך אין ניו־יאָרק, וואו ער שפּילט ביז 1926. אין 1927־9 שפּילט ער אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט־טעאַטער און 1929־30 אין געבילס פּאָבליק־טעאַטער אין ניו־יאָרק.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנימער אויף אונזער בינע, „מאָ"זש", 3 דעצ., 1926.

אַלבום פון פילאַדעלפיער אידישע שוישפּילער, „פאָרווערטס", פילאַדעלפיע, 2 אָקט. 1927.

גערטנער, אַדאָלף

געב. 24 מערץ 1879 אין בוקאַרעסט, רומעניע. געענדיקט די 4 קלאַסיקע יידיש־רומענישע שול פון דר. בעק, און געלערנט יידיש ביים לערער ליכטענשטיין. געזונגען אין כאָר פון טעמפּל, דערנאָך ביי סעגאַלעסקאָ אין קינדער־כאָר פון „משיחס צייטן", וואָס גאָלדפאַדען פירט דאַמאָלט אויף אין זשיגניצע. אַזוי ווי די עלטערן זיינען דאַגעגן, אַנטלויפט ג. קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין יאָזעף וויינשטאָקס טרופּע, וואו ער זינגט סאָלאָס און שפּילט קינדער־ראָלן. ג. פאָרט אַרום מיט דער טרופּע איבער טערקיי, סערביע און בולגאַריע ביז רומעניע, וואו די טרופּע צעפאַלט זיך. דאָ טרעט ג. אַריין אין טרייטלערס טרופּע, וועלכע שפּילט אַ קורצע צייט אין רומעניע, דערנאָך אין טשערנאָוויץ, וואו ג. טרעט דאָס ערשטע מאָל אַרויס אין אַ פאַראַנטוואָרטלעכער ראָל („יענקעלע" אין לאַטיינערס „דודס פידעלע"). פון דאָרט נעמט אים אַקסעלראַד קיין בודאַפּעסט, וואו ער שפּילט אַ קורצע צייט אין ווערטהיימערס קאַבאַרעט, און גייט איבער אונטער דער דירעקציע פון חנא וואָלפסטאַל צוערשט אין בודאַפּעסט, דערנאָך אין בערלין, ניט האָבנדיק דאָ ווייטער קיין מעגלעכקייט צו שפּילן יידיש טעאַטער, ווערט ג. אַ סאָליסט פון קליינע פּאַרטיעס אין קראָלס דייטשן טעאַטער. אין 1903 ווערט ג. אַנגאַזשירט פון הענרי קאָנראַד פון ניו־יאָרק מיט נאָך איניקע אַקטיאָרן אַלס דייטשע טרופּע פאַר אַמעריקע, וואו ער שפּילט 3 חדשים, און בעת די אַנדערע דייטשע אַקטיאָרן פאָרן צוריק, בלייבט ג. אין אַמעריקע, און טרעט אויף אין באָסטאָן ביי זילבערטן, דערנאָך ביי אַדלערן אין האָפּ טעאַטער, וואו ג. האָט אויך די געלעגנהייט צו שפּילן מיט מאָריסאָנען. דאַן אין קליוולאַנד ביי סיימאָן, און 5 יאָר ביי גליקמאַן אין שיקאַגאָ, וואו ג. טרעט אויף אין שטרויסעס „ציגיינער באַראָן". דערנאָך גרינדעט ג. צוזאַמען מיט זאַלאַטאַרעווסקין אַ וואַנדער־טרופּע (שוואַרץ, סאַמוילאָוו, שוואַרצבערג א. א.) מיט וועלכע ער פאָרט אַרום איבער די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע; דאַן קומט ג. צוריק אין שיקאַגאָ, און ברענגט אויף גאַסטראָלן קעסלערן, שפּעטער פאַראייניקט ער זיך מיט פיליפּ ווייזנפריינדס טרופּע, דאַן פירט ער אָן 2 יאָר מיט אַ יידיש טעאַטער אין מילוואָקי, און צוריקקומענדיק אין שיקאַגאָ, נעמט ער אַליין איבער ווייזנפריינדס טרופּע, און שפּילט 3 יאָר אין דעם טעאַטער, ביז ער גייט איבער אין גערטנערס אינדעפּענדענט טעאַטער אויף דער 17־טער סטריט (דאָרט איז מוני ווייזנפריינד איניקע יאָר דער קאָמיקער פון דער טרופּע), וואו ער שפּילט ביז 1928, ברענגענדיק אויך אויף גאַסטראָלן טאָמאַשעווסקי און רעגינע צוקערבערג.

ש. ע.

גערטנער, בעטי

געבוירן 26 יוני 1904 אין יאַבלאָניצע, קאַרפּאַטן־גאַליציע. פאָטער — אַ פוטערוואַרג־סוחר. געענדיקט אַ בירגער־ און אַ האַנדלס־שול אין ווין, וואוהין די פאַמיליע האָט זיך אַריבערגעטראָגן. אַרויסטרעטנדיק אין „אַרבעטער פאַריין" מיט דעקלאַמאַציעס, באַקענט זיך ג. מיטן אַקטיאָר פּריים, וועלכער פירט זי אַריין אין דער „פרייער יידישער פאָלקס־בינע", וואו זי טרעט אויף אַלס „רבקהלע" אין אַשס „גאָט פון נקמה", און שפּילט אין דער דאָזיקער טרופּע 3 יאָר אין עסטרייך און רומעניע.

נאָכן באַקענען זיך מיט סידני גאָלדין, מיט וועלכן זי האָט חתונה, באַטייליקט זיך ג. אין ווין אין פילם „יזכור" פון סעקלער, קומט מיט איר מאַן אין אַמעריקע, פילמט די טיטלראָל אין „איסט סייד סיידי" און פאָרט צוריק קיין ווין, וואו זי שפּילט אין יידישן טעאַטער.

מ. ע.

גערטנער, דזשעני

[שיינדל שטערן]

געב. 10 אויגוסט 1895 אין ניו-יאָרק, אַמע-ריקע. עלטערן-סוחרים. געענדיקט די גראַ-מער שול אין ניו-יאָרק. צו 14 יאָר באַזעצט זי זיך מיט איר מוטער אין שיקאַגאָ, און צו-ליב איר פאָטערס טויט מוז זי אַריינטרעטן אַרבעטן אין אַ סטאָר. אין 1912 האָט ג. חתונה מיט אַדאָלף גערטנער, און באַזעצט זיך אין מילוואָקי, וואו איר מאַן פירט אַ יידישע טרופּע. צוליב אַ קראַנקהייט פון דער סוברעטין, פאַרטרעט ג. די ראָל פון „יענקעלע" אין „דודס פידעלע", און בלייבט שוין זייט דאַמאָלט ביי דער בינע, שפּילנדיק די גאַנצע צייט מיט איר מאַן.

ש. ע. פון אַדאָלף גערטנער.

גערטנער, יאַקאָוו

געב. 20 נאָוו. 1900 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַ קליינהענדלער. געלערנט אין חדר, תלמוד-תורה, און פּריוואַט — וועלטלע-כע למודים.

פון דער פריסטער יוגנט זיך אינטערעסירט מיט טעאַטער, און אין 1917 זיך באַטייליקט אין דעם דראַמאַטישן קרייז ביים גראָסער-קלוב, דערנאָך אין דער דראַמאַטישער סעק-ציע ביים „הזמיר" (רעזשי דוד הערמאַן) ביז ער איז אין 1920 אַריינגעטראָטן אין דער „ווילנער טרופּע". אַ קורצע צייט דערנאָך אָפּגעפאָרן קיין מאָסק-ווע, וואו ער איז אָנגעקומען אין דער גראַנאָווסקי-סטודיע און שפּע-טער אַלס מיטגליד אין מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער, מיט וועלכן ער האָט מיטגעמאַכט דעם אייראָפּעאישן טורנע.

ש. ע.

גערמאַן, א. מ.

געבוירן 3 מערץ 1901 אין קאָסטוקאָוויטש, מאָהילעווער קרייז, ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַ היטלמאַכער. דעביוטירט אַלס „ליבהאָ-בער" אין די יאָרן 1915-6, דערנאָך אַריינגעטראָטן אין טעאַטראַלן אינסטיטוט אין מאָסקווע, און אַלס סטודענט געשפּילט אין 1925 די ראָלן „ברכיה" אין פּרץ „אין פּאָליש אויפן קייט" און „הערצאָג" אין „שיילאָק".

1926 אַריינגעטראָטן אין ווימט, וואו ער שפּילט ביז איצט.

ש. ע.

גערמאַן, לוסי

[לאָשאַ קוטנער]

געב. 1889 אין וואַרשע, פּוילן. באַטייליקט זיך אין ליבהאָבער-גרופּעס און ווען מישע גערמאַן אָרגאַניזירט אין וואַרשע די פּוילי-שע פּראָווינץ-טרופּע, ווערט זי דאָרט אַריינ-גענומען און שפּילט סוברעטין-ראָלן.

ג. איז געקומען צוזאַמען מיט גערמאַנען קיין אַמעריקע, און שפּילט די גאַנצע צייט צוזאַמען מיט אים אַלס סוברעטין. זייט איר אַריינטריט אין קונסט-טעאַטער איז זי איבערגעגאַנגען צום זשאַנר פון דראַמאַטישע ראָלן.

נאָכדעם ווי איר מאַן, מישע גערמאַן, ווערט מענעדזשער, גייט ג. איבער צו הויפּטראָלן און שפּילט ביי איר מאַן צו סעזאָנען אין טאָראָנטאָ, קליוולאַנד, 2 סעזאָנען אין ברוקלינער האָפּקינסאָן טעאַטער, וואו זי טרעט אויך אויף אין כאַראַקטער און סוברעטין-ראָלן אין פאַר איר ספּעציעל געשריבענע פּיעסן. 1927-8 — שפּילט ג. אין שיקאַגאָ און גאַסטראָלירט דערנאָך איבער דער פּראָווינץ, 1928-9 — שפּילט ג. אין ניו-יאָרקער פאָלקס-טעאַטער און 1929-30 אין ברוקלינער ראָלאַנד-טעאַטער.

ג. האָט אויך געזונגען לידער פאַרן גראַמאָפאָן.

ג.'ס שוועסטער איז די אַקטריסע שרה קוטנער-סקולניק.

מ. ע.

גערמאַן, מישע

[הערמאַן]

געב. 7 מערץ (א. ס.) 1887 אין באָלשאָי טאָקמאַק, טאַווריטש. גוב., קרים. פאָטער — אַן אָקסן-סוחר, אַ משכיל, געשריבן אין „המליץ" א"נ „אליהו".

געלערנט אין חדר, געענדיקט אַ שטאָטי-שע שול און געלערנט 2 יאָר אין גימנאַזיע. נאָך אַלס שילער באַטייליקט זיך אין די רו-סישע שול-פאָרשטעלונגען, גלייכצייטיק גע-זונגען ביים חזן פּיניע עמערמאַן. צוליב זיין מוזיקאַלישקייט וויל דער פאָטער אים מאַכן פאַר אַ פידל-שפּילער, אָבער ג.'ן ציט צום טעאַ-טער, בפרט נאָכדעם ווי ער האָט געזען שפּילן געגנפערס יידישע טרופּע, און אין עלטער פון 17 יאָר אַנטלויפט ער פון שטוב קיין מעליטאָפּאָל צו דער דאָרטיקער רוסישער טרופּע פון אוגריומאָוו. דאָ פילט ער זיך אָבער שלעכט אַלס ייד, און ער פאָרט קיין בענדער צו געגנפערס טרופּע, וואו ער טרעט אַריין אין כאָר. ערשט צוליב דער קראַנקהייט פון אַקטיאָר ליאָוועק בראַנ-שטיין-ברוין, באַקומט ג. די ראָל „ירמיהו" אין לאַטיינערס „חורבן ירושלים", און זייט דאַמאָלט ווערט ער שוין אין דער טרופּע פאַררעכנט אַלס אַקטיאָר. נאָכן שפּילן $1\frac{1}{2}$ יאָר ביי געגנפער, טרעט גערמאַן אַריין אין דער טרופּע פון אַדלער-ספּיוואַקאָווסקי אין אָדעס, און צוליבן פּאָגראָם, פאָרט ער קיין וואַרשע, וואו ער שפּילט 6 חדשים ביי קאָמפּאַניעצן אין מוראַנאָווער טעאַטער, אַרויסטרעטנ-דיק דער ערשטער אַלס „אוריאל מזיק" אין וואַרשע. ניט זייענדיק צופרידן מיטן סיסטעם, וואָס האָט געהערשט אין דער טרופּע, אָרגאַניזירט ג. אַ גרופּע שוישפּילער פון דער דאָזיקער טרופּע, און צוזאַמען מיטן כאָר פאָרן זיי אַרויס אַלס פּראָווינץ-טרופּע, שפּילנ-דיק 2 יאָר. ג. באַקומט אויך (נאָך אַ 12-יאָריקן פאַרבאַט) דאָס

רעכט צו שפּילן אין ביאַליסטאָק, וואו ער ווערט אַ שותּף מיט יוליוס אַדלערן, אָבער צוליבן פּריזיוו וואַנדערט ג. אויס קיין אַמעריקע.

דריי חדשים שפּילט ג. אין באָסטאָן ביי לעוויטאַן, דערנאָך אין סאַן פראַנציסקאָ ביי פּעני ריינהאַרדט, אָבער די טרופּע ברעכט באַלד צוזאַמען, און ג. ווערט דיריגענט אין אַ טעמפּל, עפנט אַ מוזיק-שול, און שטודירט אַליין ווייטער מוזיק. ערשט דורך דער איניציאַטיוו פון לאַרגמאַן און גאַנז קערט ג. צוריק צום יידישן טעאַטער, און פאָרט קיין לאָס אַנדזשעלאָס, וואו ער שפּילט פיר וואָכן, דערנאָך אַ קורצע צייט אין סט. לואיס, און דאַן צו סעזאָנען ביי מש. נאַטאַנסאָן אין שיקאַגאָ, און ביי לעוויטאַן אין באָסטאָן, 3 סעזאָנען ביי אַנשעל שאָר אין פילאַדעלפיע, און ווען עס גרינדעט זיך בן-עמי-שניצערס יידישער קונסט-טעאַטער, טרעט ער אַריין אין דער טרופּע, בלייבט דאָרט 2 סעזאָנען און שפּילט דערנאָך 4 יאָר מיט שוואַרצן אין אירווינג פּלייס און אין מעדיסאָן סקווער-גאַרדען. פון דאַמאָלט אָן ווערט ג. מענעדזשער פון טרופּעס, און שפּילט צו סעזאָנען אין טאָראָנטאָ, קליוולאַנד, 2 סעזאָנען אין האָפּקינסאָן (מיט אָסקאַר גרין), 1927-8 אין שיקאַגאָ, 1928-9 מענעדזשער און הויפּט אַקטיאָר אין ניו-יאָרקער פאָלקס-טעאַטער און 1929-30 — מענעדזשער (צוזאַמען מיט ראָלאַנד) אין ברוקלינער ראָלאַנד-טעאַטער.

ג. האָט געשפּילט „ניסן אַלטער" אין דער ניו-יאָרקער העברעאישער אויפפירונג פון הירשביינס „שמידס טעכטער" און האָט זיך אויך באַטייליקט אין אייניקע פילמען.

מ. ע.

י. קירשענבוים — מישאַ גערמאַן אַלס דירעקטאָר פון האָפּקינסאָן טעאַטער, „אַמעריקאַנער", נ. י. 15 יאַנואַר 1926.
יעקב קירשענבוים — מישאַ גערמאַן וויל שאַפן דעם מיטעלוועג צווישן שונד און קונסט, „מאָז"ש", נ. י. 3 סעפּטעמבער 1928.
ש. ל. שניידערמאַן — ביי לוסי און מישאַ גערמאַן, „ליט"בל", 38, 1930.

גערסטין, בערטאַ

געבוירן אין קראָקאַ, מערב-גאַליציע. פאָטער — רעליגיע-לערער אין אַ פּוילישער שול. אין עלטער פון 8 און אַ האַלב יאָר איז ג. געקומען אין אַמעריקע. דאָ האָט זי געענדיקט פּאַבליק און האַי-סקול.

אַזוי ווי זי האָט געהאַט אַ שטים, איז זי אַריינגעטראָטן אין וואָדעוויל, און 9 חדשים געשפּילט ביי קאַפּעלמאַנען אין וואָדעוויל-טעאַטער.

אין 1915 האָט זי קעסלער געזען שפּילן, און זי באַלד גענומען צו זיך אין לעגיטימען טעאַטער, שפּעטער איז זי אַריבער אין טאָמאַשעווסקיס טעאַטער, דערנאָך איז ג. געוואָרן איינע פון די ערשטע מיטגלידער פון יידישן קונסט-טעאַטער, מיט וועלכן זי איז מיט קליינע הפסקות געווען פאַרבונדן ביז 1928, 1928-9 שפּילט זי אין אַרטש סטריט-טעאַטער אין פילאַדעלפיע און 1929-30 — צוריק אין יידישן קונסט-טעאַטער.

ג. איז פאַרהייראַט מיטן פּראָפ. מאַטעמאַטיק, פּען פינקל, אַ זון פון די פּיאָנערן פון יידישן טעאַטער, משה און אַנעטאַ פינקעל.

אַמפּלואַ — דראַמאַטיסטין.

מ. ע.

לעאָן קאָברין — „ערינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג", ניו-יאָרק, II, זז. 141-4.
א. ווינטנפעלד — בערטאַ גערסטין, „קולטור", שיקאַגאַ 1, 1925.

ה. פּאַרקער — יעקב בן עמי און בערטאַ גערסטין, „ייד. וואָרט", ניו-יאָרק, 28 מאַי, 1926.
יעקב מעסטעל — ווער זיינען די קינסטלער פון דעם ניו-יאָרקער אידישען קונסט-טעאַטער, „צייט", לאָנדאָן, אַפּריל-מאַי, 1924.
Dh. Liebstoeckel—Die Ideale Shoenheit "Die Stunde," Wien, Juli 1926.
בערטאַ גערסטין — איך און דאָס פּובליחום, דער „טאָג", נ. י. 3. פעב., 1928.

גערץ, מ.

[מאָשקאָוויטש]

געבוירן 20 אויגוסט 1896 אין לובלין, פּוילן. געלערנט ביי מלמדים, ווען די עלטערן האָבן זיך איבערגעטראָגן קיין ריגע, לערנט דאָרט ג. ביז 12 יאָר אין חדר, אין אַן אוונט-שול, דערנאָך אין אַ ישיבה אין דינאַבורג, אין דער סלאָבאָדקער מוסר-ישיבה „כנסת ישראל" און אין דער מירער ישיבה.

צו 19 יאָר געקומען אין ווילנע, וואו ער פאַרנעמט זיך מיט לערריי און דעביוטירט דאָרט מיט אַ פעליעטאָן אין „ווילנער וואָכענבלאַט". 1914 — צוריקגעקומען אין ריגע און געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער זשורנאַליסט.

ג. האָט אָנגעשריבן אַן איינאַקטיקע שאַרזש-קאָמעדיע „הינטער די קוליסן פון רעדאַקציע", וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן אין ריגער יידישן טעאַטער. ג. שרייבט אויך אָפט אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 602-03.

גערשאָי, מ.

[משה גערשויג]

געבוירן אָקטאָבער 1864 אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אוקראַאינע. פאָטער — אַ שניט-קרעמער. געלערנט אין דער היים ביי אַ מלמד, דערנאָך אין גימנאַזיע, שפּעטער געוואָרן אַן עקסטערן און זיך פאַרנומען מיט „געבן שטונדן". אונטער דער השפּעה פון יעקב גאָרדינס געזעלשאַפט „גייסטיק-ביבלישע ברודערשאַפט", געוואָרן אַ סטאָליער און 7 יאָר געאַרבעט אין דאָזיקן פאַך, פירנדיק גלייכצייטיק אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פּויערים אין דאָרף, צוליב וואָס ער ווערט אין 1893 אַרויסגעשיקט פון דאָרף און ווערט אין קריוואָי-ראָג אַ פאַרוואַלטער פון אַ קליידער-געשעפט, דערנאָך ווערט ג. אַ פאָרשטייער פון דער פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט „יאַקאָר" און פאַרנעמט זיך גלייכצייטיק מיט לערעריי און ליטעראַריש-געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

אין יענער צייט האָט ג. אָנגעשריבן אַ רוסישע קינדער-פּיעסע „חנוכה", וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן דורך די קינדער פון דער שול אונטער ג.'ס לייטונג.

צוליב רדיפות פון דער פּאָליציי אַנטלאָפן אין אָקטאָבער 1903 קיין אַמעריקע, וואו יעקב גאָרדין רעקאָמענדירט אים צו „פעדלען" מיט טיי צווישן אַקטיאָרן און טעאַטער-לייט, שפּעטער ווידער זיך גענומען צו סטאָלעריי. אין 1904, נאָכן אויסלערנען זיך יידיש, פאַרעפנטלעכט דערציילונגען אין דער וועכנטלעכער פּרעסע ווי אויך אַן איינאַקטער „ניט אין צייט" אין „פרייע אַרבייטער שטימע".

אין 1901 איז דורך יעקב פּ. אַדלער אויפגעפירט געוואָרן אין טאַ-

ליא-טעאטער ג.'ס דראמע „אין וואלד“ אדער „אליא די קרעטש-מארקע“ (סוזשעט אדאפטירט פון ספאזשינסקיס רוסישע פיעסע „טשאראדעיקא“). א צווייטע פיעסע פון ג., געשריבן אויף אדלערס א סוזשעט, איז פארבליבן, ניט אויפגעפירט, אין אדלערס ארכיוו.

ג.'ס פארייִדישונג פון סארדוים א פיעסע „דער מארגנשטערן“, איז אין א באארבעטונג אלס אפערעטע א"נ „די שיינע יודין“ אויפגעפירט געווארן אין ווינדזאר-טעאטער.

ג.'ס אן אדאפטירונג א"נ „די קינדער פון יעקב — פון מ. גער-שאי, באארבעט פון טאמאשעווסקי“, איז אלס אפערעטע 1 מאל גע-שפילט געווארן פון טאמאשעווסקי.

צווישן ג.'ס ניט אויפגעפירטע פיעסעז געפינען זיך: „וועגן צום לעבן“ און די אדאפטירטע „דער קראנקער געוויסן“, „דער פאר-שפעטיקטער פרילינג“ און „א מוטער — א קרבן“.

ער האט אויך א"פ „דער גרינער פון קאראטשעקראק“ פאר-עפנטלעכט איניקע ארטיקלען וועגן מעאטער אין גארדינס „די דרא-מאטישע וועלט“.

ג.איז געווען א מיטגרינדער און סעקרעטאר פון דער „יעקב גאר-דין-געזעלשאפט“.

ש. ע.

ב. גארין — „געש. איד. טעאט.“ II, ז. 260.

גערשאנאוויטש, הערש

געב. אין 1883 אין לאדזש, פוילן, ביי פרומע עלטערן, געלערנט ביי פרומע מלמדים, א לענגערע צייט ביי א רב, געשניטן זיך אויף א כלי־קודש, אבער אונטערן איינפלוס פון דער דייטשער און יידישער ליטעראטור גייט ער אוועק גאר אויף אן אנדערן דרך, און אין עלטער פון 17 יאר ווערט ער א בוכהאלטער. אפארבעטנדיק 3 יאר ביי פארשיידענע פיר־מעס, און ניט זייענדיק צופרידן מיט זיין ארבעט, וואנדערט ער אוים קיין דייטשלאנד, בעלגיע און פראנקרייך. ער ווערט דארט א געוויינלעכער פארט-ארבעטער, און נאכדעם ווי ער באקענט זיך מיט איניקע יידישע אקטיארן, געקומענע פון ענגלאנד, שטייט ער צו זיי צו.

אין 1905 קומט ער צוריק קיין לאדזש, וואו ער טרעט גלייך אריין אין אברהם יצחק קאמינסקיס טרופע, אין אנהויב אויף עפיזאדן־ראלן.

זייט דאמאלט שפילט ער פארשיידענע אמפלואן און אין פאר-שיידענע טרופעס איבער רוסלאנד און פוילן.

אין קריגס-צייט שפילט ער על פי רוב אין לאדזש, וואו ער איז איינער פון די גרינדער פון ארטיקן יידישן אקטיארן-פאריין, און א קורצע צייט אויך פארזיצער.

אין 1924 פארט ער אפ קיין אנטווערפן און פאריז, פון דארט וואנדערט ער אוים קיין קובא, וואו ער שפילט יידיש טעאטער און ארדנט איין קאנצערטן, 1926 קומט ער אין קאנאדע, וואו ער שפילט פון צייט צו צייט מיט זיין פאמיליע, פארט דערנאך ארום מיט אן אייגענער קליינער טרופע איבער אמעריקע און איז אין 1929-30 סטייט־זש-מענעדזשער אין ברוקלינער האפקינסאן-טעאטער.

אמפלוא — כאראקטער־ראלן.

ש. ע.

גערשטענזאנג, סעם

[שמואל]

געב. 15 אפריל 1888 אין לאדזש, פוילן. פאטער — א גאלדשמיד. געלערנט אין חדר און אין א פוילישער פריוואט־שול. אלס „אלט“ געזונגען ביי חזנים, און דערנאך גע־פארן מיט א דייטשן קווארטעט איבער רוס־לאנד.

ג. האט נאך פון דער פריסטער יוגנט גע-שטרעבט צום יידישן טעאטער, און ווען ער זעט שפילן די טרופע פון קאמינסקי און פיש־זאן, טרעט ער אין 1904 אריין אלס כאריסט צו פישזאנען, אין זעלבן יאר גייט ער אריבער אין דער טרופע פון קאמפאנעיעץ, וואו ער הויבט אן שפילן קליינע ראלן, דערנאך ארגאניזירט ער א חברים־טרופע אין וועלכער עס שפילן גער־מאן, זילבערקאסטן און בולמאן. די טרופע, רעארגאניזירט דורך יוליוס און עמיליע אדלער, פארט איבער פוילן און רוסלאנד מיט א גרויסן דערפאלג.

אין 1908 פארט ג. צו זיין פאמיליע אין אמעריקע, און טרעט אריין אין גערמאנס טרופע אין שיקאגא. א קורצע צייט נאכדעם שפילט ער צייטווייליק אין ענגלישן וואדעוויל, דערנאך פארט ער מיט פארשיידענע יידישע טרופעס איבער אמעריקע, שפעטער שפילט ער א סעזאן יידיש וואדעוויל אין ניו־יארק, דאן ווידער יידיש טעאטער אין פארשיידענע טרופעס אין ניו-יארק, וואס אין זייער שפיץ שטייען אדלער, מאריסאן, שילדקרויט, מאשקאוויטש, טאמאשעווסקי און בלאנק.

אין 1926 שפילט ג. אין מעקינלי־טעאטער אין בראנקס, 1927־8 אין באסטאן ביי האלענדערן און 1928-9 אין ראלאנד-טעאטער און 1929-30 אין פילאדעלפיער ארטש סטריט-טעאטער.

אמפלוא — כאראקטער־קאמיקער.

מ. ע.

געשפאס, העלענא

[געב. בערך 1886 — געשט. 1907 [?]]

געב. בערך 1886 אין לעמבערג, מזרח-גאליציע. אין 1904 אריינ-געטראטן אין כאר ביי גימפעלן און דארט געזונגען א געוויסע צייט אלס אלט, דערנאך אריין אין כאר און געשפילט קליינע ראלן ביי עדעלהאפער אין ווין און וואדעוויל מיט די ברידער וויינ-בערג, פעפי ליטמאן און איצקאוויטש אין גאליציע און עסטרייך.

ג. איז אין 1907 [?] געשטארבן אין גאליציע.

ג. איז א שוועסטער פון די אקטריסעס פרידא זיבעל און עלא וואלערשטיין.

מ. ע. פון שלום פערלמוטער.

גראדזענסקי, אהרן־יצחק

געב. 19 אקט. 1891 אין וועקשניע, קאוונער געגנט, ליטע. פא-טער — א סוחר. אין 1894 באזעצט זיך די פאמיליע אין ווילנע, וואו ג. לערנט ביז 13 יאר אין חדר, דערנאך איניקע יאר אין א פראגימנאזיע. צו 17 יאר דעביוטירט מיט א ליד אין דער ווילנער „אידישע צייטונג“ און פון דאמאלט זיך אפט באטייליקט מיט ליטערארישע ארבעטן אין פארשיידענע פעריאדישע אויסגאבן, אויך ארויסגעגעבן איניקע אריגינעלע זאמלונגען (לידער און ראמאנען)

און איבערזעצט „יעווגעני אָניעגין“ פון פושקין, וואָס האָט געדינט אַלס ליברעטאָ פאַר דער אָפּערע־אויפפירונג דעם 12טן דעצ. 1922 אין ווילנע.

ג. איז איצט רעדאַקטאָר פון ווילנער „אוונט־קוריער“, וואו ער פאַרעפנטלעכט פון צייט צו צייט אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I. זז. 607-9.

גראָדנער, א.

[אברהם יעקב האַש־אַבראַמאָוו]

געב. 20 יולי 1902 אין גראָדנע, פּויליש־ליטע. ברודער פון די אַקטיאָרן קאַדיש און האַש. געזונגען אין גראַדנער שטאָט־שול, און אין 1915 אויפגעטראָטן אין זיין ברודערס טרופּע אַלס „יתום“ אין ריכטערס „הערצעלע מיוחס“. לערנענדיק ווייטער אין ישיבה, טרעט ג. אַריין אין אַ דראַמאַטישן קרייז מיט וועלכן ער שפּילט אָפּט.

אין 1921 איז ג. געפאָרן קיין קאָוונע און דאָרט אַריינגעטראָטן אין ליפּאָווסקים טרופּע אַלס כאָריסט און אויף קליינע ראָלן. שפּעטער אַריבער צו זיינע ברידער אין טרופּע און א״נ אַבראַמאָוו און דערנאָך גראַדנער אויך מיטגעמאַכט זייער טורנע איבער פּוילן און רומעניע. 1928 געשפּילט אין קראָקעווער יידישן טעאַטער.

מ. ע.

גראַדנער, אַנעטאַ

[געב... — געשט... 1888]

געב. אין קרעמענטשוג, פאָטער — אַ קאַמאַשנמאַכער.

וועגן איר קומען צו דער בינע דערציילט פישזאָן אין זיינע זכרונות: „שפּילנדיק די „באָבע מיטן אייניקל“ אין קרעמענטשוג, איז גראַדנער דאָרט געוואָרן גוטער ברודער מיט די טיטון־אַרבעטער און קאַמאַשנמאַכער. איינער פון זיי, דוד, וואָס ביי אים זיינען געשטאַנען 10 ניי־מאַשינען, 15 פרעמדע אַרבעטער, זיינע 2 זין און 2 טעכטער. דאָרט פלעגט מען הוליען, און איינמאָל האָט דער פאָטער, נאָך אַביסל משקה, געגעבן אַ זאָג צו זיין טאָכטער: „אַנו, יענטעלע, באַוויז נאָר פישזאָנען וואָס דו קענסט. אַנו, טו נאָר אַ זינג דאָס וואָס דאָס אייניקל זינגט ביי דער באָבען“. זי האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן, און האָט געגעבן אַזאַ זינג, אַז מיר זיינען אַלע נשתומם געוואָרן. מיר האָבן נאָך ביז דאַמאָלט אַזאַ זינגען ניט געהערט. ישראליק האָט איר באַלד געמאַכט דעם פאָרשלאַג, אַז זי זאָל אַנטייל נעמען אין שבתדיקן ספּעקטאַקל, ד. ה. אין דער „באָבע מיטן אייניקל“. אין דער „פּיעסע“ האָט ג. געשפּילט די ראָל פון „אייניקל“. שפּעטער האָט זי חתונה מיט גראַדנערן.

יצחק ליברעסקאָ גיט איבער, אַז ווען גראַדנער האָט שוין אָנגעהויבן שפּילן מיט גאָלדפאַדענען, פלעגט ער זיך אויסדריקן, אַז ער האָט אין דער היים אַ ווייבל, און אַז אויב מען וועט אים געבן געלט, וועט ער זי ברייינגען, און זי וועט זיין אַ גוטע אַקטריסע.

ווען מען האָט זי ענדלעך געבראַכט, האָט זי זיך געשעמט אַרויפצוגיין אויף דער בינע. אָבער באַלד בעת איר ערשטן אויפטריט, איז זי זייער געפעלן דעם עולם, און עס האָט זיך אין איר דערוועקט אַ חשק צום שפּילן.

ב. גאָרין דערציילט, אַז „ווען גראַדנער האָט דערהערט, אַז גאָלדפאַדען האָט אַריינגעקריגן אַ פרוי (סאָפיע קאַרפּ) אין זיין טעאַטער, האָט ער ניט גערוט, און אָנגעהויבן צו זוכן אַ פרוי מיט ליכט. ש. גאָלדשטיין, וועלכער האָט געשפּילט צוזאַמען מיט אים, האָט זיך אַרויסגערופן צו העלפן אים קריגן אַ פרוי, און אַ דאַנק אים איז שרה [קאַרפּ] אַריין אין גראַדנערס קאָמפּאַניע.

„נאָך איידער דאָס איז געשען, האָט גראַדנער געשריבן צו זיין ווייב אין קרעמענטשוג, אַז זי זאָל צו אים קומען קיין יאַסי, און גלייך ווי זי איז געקומען, איז זי אַריין אין זיין קאָמפּאַניע, און ווען גאָלדשטיין איז אָנגעקומען מיט שרה, האָט שוין פרוי גראַדנער געשפּילט.“

ג.׳ס ערשטער אויפטריט זאָל אַזוי אַרום זיין פאָרגעקומען אין יאַסי בערך 1878. זייט דאַמאָלט שפּילט זי צוזאַמען מיט איר מאַן און מאַכט מיט דעם זעלבן עטאַפּ וואָס ער.

פערדינאַנד שטויב גיט איבער, אַז ג. האָט ניט געקענט קיין נאָטן, האָט אָבער באַזעסן אַן אויסערגעוויינלעך גוטן געהער און זכרון און אַ פּרעכטיקע קאָלאָראַטור־שטים. די לעצטע יאָרן האָט איר ליידנשאַפטלעך רויכערן און טרינקען אָנגעהויבן ווירקן אויף איר שטים.

נאָך איר מאַנס טויט פאָרט ג. קיין וואַרשע צוזאַמען מיט אַדלערן, (וועלכער קערט זיך דאַמאָלט צוריק קיין לאָנדאָן פון שיקאַגאָ), און נאָכן שפּילן דאָרט אַ קורצע צייט, קומט ג. צוריק קיין לאָנדאָן, וואו זי שטאַרבט אין 1888, און קומט צו איר אייביקער רו אויפן סטראַטפאָרט בית־עולם.

מ. ע. פון יצחק ליברעסקאָ און פ. שטויב.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ I. זז. 242, 234, 1-210, 9-198, 194. II. זז. 150, 50, 47-46.

יאַקאָב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „דיא וואַרהייט“, נ. י. 12 מאַי, 1917.

אברהם פישזאָן (זכרונות) „מאָ״זש“, 13 פעב., 1925.

גראַדנער, ישראל

[ראָזענפעלד?]

[געב. 1841 — געשט. אַפּריל 1887]

גענויע דאַטען וועגן ג.׳ס יוגנט ביז זיין צוקומען צו דער גאָלדפאַדען־בינע זיינען ניטאָ. די איינציקע קוועלע וועגן זיין יוגנט איז אברהם פישזאָנס „זכרונות“ (געדרוקט אין ניו־יאָרקער „מאָרגען־זשורנאַל“). לויט זיי:

„איז [בערך אין 1859] אין בערדיטשעוו געווען אַ פאַבריק „גערזאָנס טיטון־פאַבריק“, האָט דאָרט געאַרבעט אַ בחור ישראליק ראָזענפעלד. נאָכער האָט ער זיך גערופן ישראל גראַדנער. פאַרוואָס ווייס איך ניט. ער איז געווען אַ שיינער, געפוצטער בחור, קורץ געקליידעט, שטיוועלעך אויף סקריפּעס, דאָס היטל נאַבאָק, און ס׳איז געקומען שבת פלעגט ער מיט זיינע פאַך־לייט איבערקערן די שטאָט קאַפּויער. גרויס און קליין האָבן אים געקענט, נאָר לייטישע בחורים, ווער שמועסט חסידישע מיידלעך, זיינען אַנטלאָפן פון אים.“ ..

ווייטער דערציילט פישזאָן, אַז ג. איז געקומען ביי אים קויפן זיינע לידלעך, און זיי זיינען ביידע געוואָרן גוטע ברידער. ג. האָט אים גענומען פירן איבער פריוואַטע הייזער, וואו זיי פלעגן אַרויסטרעטן אַלס זינגער.

אַזוי ווי ג. האָט געהאַט אַ „ממזרשן קאָפּ" האָט ער צוגערעדט פישזאָנען צו שרייבן אַ ליד, וואָס קאָן האָבן שטאַרקע אויסזיכטן אויף דערפאָלג: אַ ליד וועגן די פּריזיוואָניקעס. דאָס ליד האָט פאַרגעשטעלט אַ חסידל, וואָס האָט ביז איצט ניט געדינט, און איצט ווערט ער צוגענומען צום מיליטער. ג. האָט דאָס ליד אַ נאָמען געגעבן „חיים ישעיה קאַטער" [לויט גאָלדפאַדען איז דאָס באמת וועלוועל זבאַרזשערס ליד „דער יידישער סאָלדאַט"], און ביידע צוזאַמען פלעגן מיט דעם לידל און אַנדערע לידער אַרומפאָרן איבער פאַרשיידענע שטעטלעך.

אַזוי ווי ג. האָט געהאַט אַ שם צווישן די טיטון-שניידער, האָט ער אין יעדער שטאָט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט דער דאָזיקער חברה. זיי פלעגן אים באַלד ליב קריגן און ווערן די אָרגאַניזאַטאָרן און הויפּט-שטיצער פון זייערע אָוונטן.

פישזאָן דערציילט אויך, אַז גאָלדפאַדען האָט זיי געזען אין זשיטאָמיר און זיי געגעבן דעם טעקסט פון „די באָבע מיטן איייניקל", וואָס איז געווען געשריבן אין דיאַלאָג-פאָרם [גאָלדפאַדען דערמאָנט אָבער קיינמאָל ניט, אַז ער זאָל האָבן געזען גראַדנערן פריער ווי אין יאַסי אין 1876].

לויט פישזאָן „האָט זיך ג. אַרומגעטראָגן מיטן פּלאַן אויפצופירן „די באָבע מיטן איייניקל", אַז עס זאָל האָבן אַ צורת טעאַטער. ער האָט אפילו אָפּגעזוכט עטלעכע מיידלעך, וועלכע מ'זאָל אויסלערנען מיטצושפּילן, אָבער טאַטנס קינדער האָבן ניט געוואָלט".

ג. האָט [לויט פישזאָן] געשפּילט „די באָבע מיטן איייניקל" אין קיעוו, אַזוי ווי מ'האָט אים אָבער ניט דערלויבט צו שפּילן אין אַ טעאַטער, האָט ער געשפּילט אין ר' נח רייזנעסעס שפּייכלער אָן אַ דערלויבניש. דער סוף איז געווען, אַז פּאָליציי האָט אים דערפאַר אַרעסטירט צוזאַמען מיט דער טרופּע. שפּעטער שפּילט ג. דיזעלבע פּיעסע מיט אַ גרויסן דערפאָלג אין טשערקאַס. דאָ באַקענט ער זיך מיט אַ מיידל, אַנעטאַ, וועלכע ער באַוועגט מיטצושפּילן און באַלד דערנאָך האָט ער מיט איר חתונה, אָבער אַ קורצע צייט שפּעטער אַנטלויפט זי פון אים. ניט האָבנדיק קיין מוט און חשק צו שפּילן, פאַרלאָזט ג. די טרופּע.

1½ יאָר שפּעטער טרעט ג. אַרויס אין אַ ווינקעלער אין אָדעס צוזאַמען מיט משה פינקל און אהרן טאַגער.

פישזאָן גיט אויך אָן, אַז ג. האָט געטראָגן אַ באָרד, און ווען ער פלעגט שפּילן „די באָבע" האָט ער פאַרקלעפּט די באָרד מיט עפּעס אַ קלעפּעניש, וועלכעס ער האָט נאָכן שפּילן אַרונטערגעריסן. ג. זאָל אויך האָבן דערקלערט, אַז זיין אמתער פאַמיליע-נאָמען איז ניט ראָזענפעלד, נאָר גראַדנער.

ראובן ווייסמאַן גיט איבער אין זיין אַרטיקל „ווי אַלט איז דאָס אידישע טעאַטער?" („אידיש טעאַטער" ניו-יאָרק, 1923), אַז „צווישן די יידישע לידער-זינגער אין 1873 אין אָדעס, האָבן געשמט די בראָדערזינגער קאָפּקע, אהרן טאַגער און ישראל גראַדנער, אָדער „שראָליק פּאַפּיראָסניק". דער לעצטער האָט ניט נאָר געהאַט אַ שיינע טענאָר שטים, נאָר זיינע „תנועות און העויות" (אויף טעאַטער-לשון: מימיק) זיינען געווען פון אַ ריכטיקן אַקטיאָר, וואָס מ'האָט נאָך ביז דאַמאָלט ביי יידן אַזוינס ניט געזען. ווער שמועסט, אַז ער האָט נאָך געזונגען אַ חסידיש לידל, מיט חסידישע תנועות און העויות, האָט דער ווינקעלער-עולם פּשוט געגאַפט . . . דאָס זיינען געווען די „סטאַרס" ווייל שוין דאַמאָלט איז געווען אַנטוויקלט דער „סטאַר-סיסטעם": יעדער הויפּטזינגער האָט געהאַט אַ „באַהעלפער", און די עובדא פון די „באַהעלפער" איז באַשטאַנען אין 1) אויסרופן וואָס פאַרע ליד מען גייט זינגען, 2) אַליין פריער אויסזינגען דעם „אַנטרע-ניגון" צום ליד, 3) העלפן מיטזינגען און צוקנאַקן מיט די פינגער צום פריילעכן צושפּיל און 4) נאָכן זינגען אַרומגיין מיטן טעלער . . . דאָס פּובליקום, וואָס פלעגט קומען אין די ווינקעלערס, איז ניט געווען פון „פּערווי סאָרט"... פון אָנפאַנג האָבן זיי זיך געהאַלטן מיט רעספּעקט צו די זינגער, האָבן זיי באַטראַכט אַלס קינסטלער פון גאָטס גנאָד, שפּעטער אָבער זיינען זיי געוואָרן צו היימיש, אָפּטמאָל צו גראָב — איבערהויפּט כטוב לב המלך ביין . . . דאָס האָט שראָליקן, ישראל גראַדנערן, הייסט עס, שטאַרק געקרענקט און דערנידריקט. האָט ער גענומען טראַכטן וועגן אַ פּלאַן ווי אַזוי פון דעם קעלער-זומפּ אַרויסצוקריכן. אין אַ געוויסן אויפדערנאַכט האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן אַ חסידישער יונגערמאַנטשיק, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, מיט אַ פּאָר לאַנגע פּאות, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויסטענהן מיטן „באַהעלפער" פאַרוואָס ער איז ניט פרום, און פאַרוואָס ער איז אַ גלות. דער עולם האָט אין אָנהויב ניט געוואוסט וואָס דאָס באַדייט און איז געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט. ערשט ווען דער יונגערמאַנטשיק האָט אָנגעהויבן צו זינגען דאָס ליד פון „חסיד מיטן דייטש", האָט דער עולם דערקענט גראַדנערס קול, און עס איז געוואָרן אַ פּאַטשעריי און געשריי: בראַוואָ! הוראַ! — אַן אמתער טריאַטר! — האָבן אַלע געשריגן — אַן אמתער אַקטיאָר! — די פאַראַכטונג צום קעלער האָט אין גראַדנערס געדאַנק אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו געבן אַ קאָנצערט פון לידער, און אין 1873 איז צום ערשטן מאָל [?] אין דער יידישער געשיכטע געגעבן געוואָרן אויף אַן אמתער בינע („קאַרוזאָס זאַל" אויף רישיעלעווסקאַ גאַס) מיט אמתע דעקאָראַציעס און קאָסטיומען, אַ יידישער קאָנצערט פון יידישע אַרטיסטן, אין יידישער שפּראַך. דאָס פּראָגראַם איז דאַמאָלט באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע לידער, צעטיילט אין צוויי אָפּטיילונגען: „דאָס רענדל", ליד פון אברהם גאָלדפאַדען, געזונגען פון גראַדנער מיט אַ כאָר פון זעקס מענער פון דער אָדעסער גרויסער שול. אַלע זיבן זיינען געווען „געקליידעט" אין שוואַרצע פראַקן, ווייסע געפּרעסטע העמדער מיט ווייסע קראַוואַטלעך און „שאַפּאַקלאַקס" אין די הענט, „דאָס ליד פון מצבה-שלעגער", געזונגען פון גראַדנער מיט זיין העלפער, דאַן איז די בינע פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין אַ חסידים-שטיבל: גראַדנער מיט זיין העלפער און כאָר, אָנגעטאָן ווי חסידים, האָבן זיך אַלע געקריגט, און יעדערער האָט געשריגן: „דיין רבי איז אַ נישט שבנישט, נאָר מיין רבי איז אַ גרויסער בעל-מופת הגדול הגבור והנורא". מיטאַמאָל הייבט אָן גראַדנער פרעגן יעדן איינעם: „ווער איז דיין רבי?", און עס ווייזט זיך אַרויס אַז אַלע זיינען זיי חסידים פון דעמזעלבן רבין. „אויב אַזוי וועל איך אייך דערציילן די מופתים פון אונזער צדיק" [— זאָגט גראַדנער]. די מוזיק האָט אויפגעשפּילט, און גראַדנער זינגט דאָס ליד „דער רבי" מיט חסידישע תנועות, אַלע האָבן צוגעפּליעסקעט מיט די הענט, זיך אַרומגענומען און געטאַנצט אַ חסידיש פריילעכס. דער עולם איז פּשוט ווילד געוואָרן פון ענטוזיאַזם. דער דערפאָלג איז געווען אומגעהויער. די צווייטע אָפּטיילונג איז באַשטאַנען פון פאַרשיידענע ערנסטע און קאָמישע לידער — אַלץ אין סצענען און קאָסטיומען. נאָכדעם האָט גראַדנער געגעבן נאָך עטלעכע קאָנצערטן. אינגיכן פאָרט ער אַוועק קיין יאַסי, רומעניע, וואו ער זינגט שוין ניט מער אין די ווינקעלערס, נאָר טאַקע אויף דער בינע, ביי שמעון מאַרק אין זומער-גאַרטן".

אברהם גאָלדפאַדען שילדערט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע [„דער אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער" פון שלום פּערלמוטער] אַזוי ג.'ן:

„ישׂראל גראַדנער איז געבוירן געוואָרן אין דער ליטע. דאָס איז באַקאַנט איבעראַל, אַז די ליטוואַקעס באַזיצן פֿון נאַטור אויס פּראַכטפֿולע פֿעאיגקייטן צו דרשהנען, איבערהויפּט [האָבן זיי] שאַרפֿע גמרא־קעפּלעך, ווייל זייער עלעמענטאַרע בילדונג האָבן זיי אין די ישיבות באַקומען. אונזער אַקטיאָר איז אָבער געווען אַן אויסנאַם פֿון זיינע לאַנדסלייט, ווייל לויט ווי ער האָט מיר אַליין דערציילט, איז ער נאָך אַלס קינד מער ווי אין אַ חדר ניט געגאַנגען, און אין דער צייט האָט ער שוין געהאַט שׂכל ביים פֿאָטער אַרויסגנבֿענען אַ גוטע ליולקע ציבעק און אַנטלויפֿן. דערפֿאַר האָט ער געקענט קוים עבֿרי, און זיך ניט געקענט אונטערחתמנ'ען. ער האָט זיך אַזוי לאַנג געוואַלגערט אין דער פֿרעמד ביז ער איז געוואָרן אַ פּאַפּיראָסניק. פֿון זיין ווייטערער יוגנט־ביאָגראַפֿיע, לויט ווי ער האָט מיר דערציילט, וועלן מיר בעסער מאַכן, אַז מיר וועלן איבערגיין מיט אַ גרויס שטילשווייגעניש כּדי עס זאָל אונז ניט אָפּשלאָגן דעם אַפּעטיט פֿון זיינע פֿעאיגקייטן. ווען איך האָב אים דערקענט, האָט ער געהאַט אַ שיינע באַריטאָן־שטים, פֿעאיגקייטן צום טאַנצן, און זיין פּראָפֿעסיע איז געווען אַרומפֿאָרן אויף דער וועלט זינגען לידער ווי דאַמאָלט איז געווען די מאָדע. ישׂראל גראַדנער האָט אָבער אַ חוץ זיינע קינסטלער־פֿעאיגקייטן אויך געהאַט אַ גרויסן אונטערנעמונגס־גייסט. ער האָט געהאַט די ענערגיע און דעם מוט, מיט וועלכע אייגנשאַפֿטן עס צייכנען זיך אויס אַלע ליטוואַקעס. אין דער צייט ווען אַנדערע לידער־זינגער זיינען אַרומגעפֿאָרן אין די קליינע שטעטלעך און האָבן געזונגען אין אַ געוויינלעכער שטוב, אין אַ קיך, אָדער אין אַ שענק, פֿלעגט שוין ישׂראל גראַדנער קומען אין גרויסע שטעט, אָפּזוכן אַ גרויסן לאָקאַל, מאַכן אַן עסטראַדע, אויסשטעלן נומערירטע בענקלעך און דרוקן קליינע אַפֿישלעך, וועלכע האָבן געטראָגן דעם קורצן נאָר קלינגענדיקן אינהאַלט: ישׂראל גראַדנער זינגט די בעסטע לידער פֿון די באַליבטע פֿאָלקסדיכטער: אליקום צונזער, וועלוול זבאַרזשער, י. י. לינעצקי און מיינע א. א. וו. און אַלע לידער האָט ער געזונגען „קאָסטיומירט", און צום שלום פֿון יעדן ליד, אַפֿילו ווען דאָס ליד איז געווען ערנסט, האָט ער געמוזט צוטאַנצן. ווען דאָס לידל האָט געפֿאָדערט צוויי פּערזאָנען, ווי למשל, „דער ערבֿ יום כּפּור", ווי אַ חסיד זינגט אַ סטראָפֿע צום דייטש, און דער דייטש צום חסיד און ביידע שפּאַרן זיך וועגן די יידישע מנהגים, פֿלעגט גראַדנער נעמען אַ יינגל, אים אויסלערנען די סטראָפֿע פֿון „דייטש", און ער אַלס חסיד (ווייל דאָס איז געווען אַ קאָמישע ראָל) פֿלעגט שטיין אויף דער עסטראַדע, און זינגענדיק געטענהט איינער צום צווייטן. דער פּראַקטישער גראַדנער האָט שוין לאַנג איינגעזען, אַז ביי די ערנסטע לידער פֿלעגט, מייסטנס, דער עולם אַנטשלאָפֿן ווערן, און כּדי דעם עולם צו מאַכן לעבעדיק, האָט דער חסיד מיטן דייטש געמוזט זיך גוט אָנזידלען, שעלטן איינער דעם אַנדערן מיט אַלע מיאוסע קללות, וואָס ס'איז זיי געקומען אין מויל אַריין, דערנאָך האָבן זיי זיך, דער חסיד מיטן דייטש, געמוזט צעפּאַטשן —, און ווען דער עולם האָט זיך שטאַרק אויסגעלאַכט, און געפּאַטשט בראַוואָ, האָט זיך דער חסיד מיטן דייטש איבערגעבעטן, און געענדיקט מיט אַ פֿריילעך טענצל. דער דייטש האָט געטאַנצט אַ „חסיד", און דער חסיד אַ קאַמאַרינסקי — און דאָס פּובליקום איז געווען אַנטציקט און באַפֿרידיקט. מאַנכע אַזוינע שטיקלעך האָבן שוין געהאַט נעמען ווי: „דער טאַבאַק־מאַכער", „דאָס אָדעסער ווייבל", „דער אַלטער טאַטע", א. ד. ג."

אַביסל שפּעטער שרייבט גאָלדפֿאַדען וועגן גראַדנערן:

„ישׂראל גראַדנער האָט שיינע פֿעאיגקייטן: ער באַזיצט אַ געזונטע, אַנגענעמע, אָבער נאָך ניט אויסגעאַרבעטע באַריטאָן־שטים, ער איז באַגאַבט פֿון נאַטור מיט טאַלאַנט. זיינע באַוועגונגען און מימיק זיינען נאָך ווילד, אָבער באַפֿרידיגנד. עס פֿאָדערט זיך רעגלמעסיקע אַנטוויקלונג און מעטאָד".

אין 1876 בעת גאָלדפֿאַדען קומט אין יאַסי, טרעפֿט ער דאָרט אַרויסטרעטן אין שמעון מאַרקס גערטנדל גראַדנערן, וועלכער זינגט צווישן אַנדערע אויך גאָלדפֿאַדענס לידער. נאָך גאָלדפֿאַדענס דורכגעפֿאַלענעם אַרויסטריט אין דאָזיקן גאַרטן, פּלאַנט גאָלדפֿאַדען אָנצושרייבן היסטאָרישע פּיעסן כּדי צו בילדן דעם עולם, און ווען גראַדנער קומט צו אים נאָך נייע לידער, לייגט אים גאָלדפֿאַדען פֿאָר אָנצושרייבן פֿאַר אים נישט נאָר לידער, נאָר רעגעלמעסיקע טעאַטער־שטיק און דראַמען.

וועגן דעמזעלבן ענין דערציילט יצחק ליבערעסקאָ [„הינטערן פֿאָרהאַנג" פֿון זלמן זילבערצווייג]: „מיר האָבן באַלד געשיקט רופֿן גראַדנערן, און אים דערציילט דעם פּלאַן וועגן שפּילן טעאַטער. גראַדנער האָט מסכּים געווען, און געזאָגט, אַז רומענישע אַקטיאָרן, וואָס פֿלעגן אים קומען הערן, האָבן אים אָפֿט געקושט, און געבעטן אַז ער זאָל מאַכן אַ טעאַטער ווי ביי לייטן, נאָר ער האָט דאָס ניט געטאָן, ווארום ער האָט ניט געהאַט וואָס צו שפּילן. גראַדנער האָט באַלד געבראַכט אַ גאַנצע חבֿרה. גראַדנער אַליין האָט זיך אָפּגעגאָלט די וואָנסעס."

גאָלדפֿאַדען שרייבט דאַן אַן אַ שטיק, וועלכעס ער אַליין רופֿט אָן „אַ מין דולעניש, אַן אומזין, אַ קאַלאַטוכע. אַז איך געדענק אַפֿילו ניט וואָס פֿאַר אַ נאָמען דאָס האָט געהאַט", וועלכעס גראַדנער שפּילט צוזאַמען מיט זיין העלפֿער שכר גאָלדשטיין, דאַן טרעט ג. אויף אין אַ ניי שטיק „די חסידה" אין 2 אַקטן פֿון גאָלדפֿאַדען, דערנאָך פֿאָרט ער אַרויס קיין באָטאָשאַן, אָבער דאָרט קאָן מען ניט שפּילן צוליב דעם וואָס די רומענישע רעגירונג האָט איינגעפֿירט אַ רעקרוטירונג פֿון סאָלדאַטן, וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַ גוואַלדיקע מהומה אין שטאָט. גראַדנער, גאָלדשטיין און גאָלדפֿאַדען ליגן באַהאַלטן אויף אַ בוידעם, און דאָרט שטודירט גאָלדפֿאַדען מיט זיי איין זיין ניי פֿאַרפֿאַסטע שטיק „די רעקרוטן", וואו דער הויפּטהעלד טראָגט דעם נאָמען „חיים שעיה", לויט גראַדנערס טיפּ, וועלכן ער האָט שוין פֿריער פֿאַרגעשטעלט, און וועלכער האָט געדינט פֿאַר גאָלדפֿאַדענען אַלס פּראָטאָטיפּ פֿאַר זיין העלד.

די קאָמעדיע איז נאָך דער בהלה אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין אָרטיקן גרויסן טעאַטער. גראַדנער האָט געשפּילט די הויפּטראָל, באַנוצנדיק נאָר גאָלדפֿאַדענס לידער, און נאָכגעזאָגט גאָלדפֿאַדענס סופֿלירן, צוגעבנדיק אויך אַ סך אייגענעם טעקסט.

פֿון באָטאָשאַן פֿאָרט די טרופּע קיין גאַלאַץ, וואו זי שפּילט אין אַ גרויס טעאַטער מיט אַ גרויסן דערפֿאָלג. דאָ ווערט אויך אויפֿגעפֿירט „די אינטריגע" אָדער „דוואָשע די ספּלעטניצע" אין וועלכער גראַדנער שפּילט די ראָל „יאָזעף", דאַן פֿאָרט די טרופּע קיין בראַאילאַ, וואו ס'ווערט צום ערשטן מאָל אויפֿגעפֿירט גאָלדפֿאַדענס „באָבע מיטן איינִיקל", אין וועלכער גראַדנער שפּילט די ראָל פֿון דער „באָבע". ג. האָט זייער אויסגענומען אין דער ראָל, און דער איינדרוק איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ סך יאָרן שפּעטער, ווען די יידישע בינע האָט שוין אויך געהאַט פֿרויען־אַקטריסעס, האָבן אַלץ נאָך מענער געשפּילט די ראָל פֿון די „באָבע".

די טרופּע קומט דאַן אין בוקאַרעסט און צוליב דעם וואָס גאָלדפֿאַדען גיט אַוועק אין זיין נייער קאָמעדיע „שמענדריק" די טיטלראָל צו מאָגולעסקאָן, פֿילט זיך ג. זייער געקרענקט זעענדיק מאָגולעסקאָס דערפֿאָלג. ג. בעט גאָלדפֿאַדענען, אַז ער וויל מער ניט זיין קיין פּאַיאַץ, און גאָלדפֿאַדען זאָל אים פֿאַרשאַפֿן אַ דראַמאַטישע ראָל.

גאָלדפאַדען שרייבט וועגן דעם: „ער האָט זיך אָבער אין דעם פאַל אַליין גענאַרט. איך האָב גוט געוואוסט, אַז גראַדנער האָט קיין פיצל פעאיגקייט צו דראַמאַטישע ראָלן. אין זיין גאַנצן לעבן האָט ער קיין מאָל די געלעגנהייט ניט געהאַט צו זען אַן אייראָפעאישן קינסטלער אויף דער בינע, און אַזוי ווי ער האָט קיין פרעמדע שפּראַך ניט געקענט, נאָר אַביסל יידיש, האָט ער ניט געהאַט די געלעגנהייט אפילו איבערצולייענען אַ דראַמאַטיש ווערק. זיין באַגריף פון אַ דראַמאַטישער ראָל איז נאָר געווען וואָס מער צו שרייען אויף דער בינע, צו טופּן מיט די פיס, שלאָגן זיך אין קאָפּ מיט די קולאַקעס. איך האָב אים אפילו דערקלערט די קונסט פון דער דעקלאַמאַציע, פון דעם שטאַנדפּונקט פון טאַקטפולן ריידן, פון דער נאַטירלעכער האַלטונג און סאָלידע שריט. ביי אים אָבער האָט עס אויסגעוויזן צו שלעפעריק, און ער האָט ניט געוואָלט פאָלגן“.

גאָלדפאַדען איבערזעצט דאַן „די וויסטע אינזעל“ פון קאצעבוי, אין וועלכער ג. שפּילט דעם אייראָפּעער, וועלכער איז פאַרווילדעט געוואָרן אויפן אינזל, אָבער אויך דאָ ווערט ער געשטעלט אין שאָטן פון מאָגולעסקאָ, וועלכער האָט געשפּילט אין דער פּיעסע. ג. טרעט דעריבער אַרויס פון דער טרופּע און אָרגאַניזירט אַליין אַ טרופּע (מיט ראָזאַ פרידמאַן) פאַר יאַסי, וואו ער שפּילט גאָלדפאַדענס פּיעסן. די אונטערנעמונג זיינע ווערט פינאַנסירט פון שענקער מאָריס ראָט. ג. נעמט באַלד אַריין צו זיך אין טרופּע מאָגולעסקאָן, שפּעטער זילבערמאַנען און שכר גאָלדשטיין און אַזוי ווי זיי האָבן שוין אָפּגעשפּילט זייער אַלטן רעפּערטואַר, ציט ער אויך צו יאָזעף לאַטיינערן אַלס דראַמאַטורג. נאָכדעם ווי לאַטיינער גייט איבער צו גאָלדפאַדענען, פאָרט ג. אַרום איבער דער רומענישער פּראָווינץ מיט זיין טרופּע און אין זומער 1878 פאַראייניקט ער זיך מיט „פּראָפ.“ הורוויץ און זיי פאָרן צוזאַמען שפּילן קיין בוקאַרעסט. אָבער צוליב שלעכטע געשעפטן און צאַנקערייען צווישן ביידע דירעקטאָרן, ציט זיך ג. צוריק פון דער טרופּע און וואַנדערט צוזאַמען מיט זיין פרוי מיט קאָנצערטן איבער רומעניע, אָבער אַזוי ווי זיי האָבן ניט קיין דערפאָלג, פאָרן זיי ביידע אַוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. פון דאָרט טרעטן זיי ווידער אַריין אין גאָלדפאַדענס טרופּע אין אָדעס (1879). דאָ האָט ג. געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אין דער ראָל פון דער „באָבע“ אין גאָלדפאַדענס „כשוף מאַכערין“, נאָר זייענדיק [לויט ב. גאָרין] דורכגעדרונגען מיט אַ ווידערשפּעניקן גייסט, און ניט קאָנענדיק פאַרטראָגן צו האָבן איבער זיך אַן אויבערהאַר, פאַרלאָזט ער ווידער די טרופּע, און נאָכן באַקומען די דערלויבניש צו שפּילן אין ניקאָלאַיעוו, רעדט ער אָפּ פינקלען, משה טייך, אבא שיינגאָלד, א. א. און שטעלט צוזאַמען אַן אייגענע טרופּע. צוליב אַ שטערונג שפּילט ער אפילו ניט קיין איין פאָרשטעלונג און נאָך אַ קורצער הפסקה טרעט ער אַריין צו שמ״רן אין טרופּע. שפּעטער ווערט ער ווידער אָנפירער פון אַ טרופּע צוזאַמען מיט הורוויצן, און שפּילט אין מערב-אייראָפּע, פון וואַנען ער קומט ווידער צוריק אין רוסלאַנד, וואו ער פאַראייניקט זיך מיט שליפערשטיינס טרופּע, אָבער פאָרט באַלד ווידער צוריק קיין לאָנדאָן.

אין אנהייב פון די אכציקער יאָרן ווען גאָלדפאַדען און טאַנצמאַן שפּילן אין וואַרשע אין עלדאָראַדאָ ביי דער רוסישער דירעקטאָרשע ליצענקא, ברייננגט מען ג. מיט זיין פרוי צו קאָנקורירן מיט די טאַנצמאַנס. זיי פאַלן אָבער דורך און פאָרן צוריק קיין לאָנדאָן.

אין 1883 שפּילט ג. אין ריגע, און בעת ס'ווערט דאַמאָלט אַרויסגעגעבן דער פאַרבאָט אויפן יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד, פאָרט ג. צוזאַמען מיט זיין פרוי, אַדלער, מיכעליזאָן, פרוי טשיזשיק, קאַרפּ, קעמפּנער, בוים, וואַכטעל א. א. קיין לאָנדאָן. אַ קורצע צייט דערנאָך וואַנדערט ער אויס קיין גאַליציע, וואו ער פירט אָן מיט אַ טרופּע (ג. און זיין פרוי, ישראל וויינבלאַט, עסקרייז, לעאָנארד, הערמאַלין) צו וועלכער ס'שטייען צו הורוויץ, זיין טאָכטער שאַרלאָטע און איידעם צעזאַר גרינבערג, און נאָכדעם ווי זיי שפּילן אין די גרעסערע גאַליציש שטעט, קומען זיי אין ווין, וואו זיי נעמען דאָס דאַמאָלט באַרימטע רינג-טעאַטער.

ג. קומט דאַן ווידער צוריק אין לאָנדאָן, וואו ער שפּילט אין אַ קלאָב, נאָך אַ קורצער צייט פאָרט ער קיין פּאַריז מיט זיין פרוי, אָבער דאָ איז די לאַגע נאָך ערגער, און ער קערט ווידער צוריק קיין לאָנדאָן, וואו ער שטעלט צוזאַמען אַ טרופּע מיט וועלכער ער שפּילט אין אַ קלאָב.

נאָך דער פּיקטיווער שרפה פון 18 יאַנ. 1887 אין פּרינצעס-קלאָב פאָרן ג. און זיין פרוי קיין וואַרשע, און ווען זיי קומען צוריק, באַנייען זיי (צוזאַמען מיט לעאָן און סאָניאַ נאַדאָלסקי א. א.) דאָס שפּילן אין קלובן.

ג. האָט געהאַט צוויי אייגענע פּיעסן: „דאָס ליד פון פּייטל נאַר“, קאָמעדיע אין 3 אַקטן, אויפגעפירט אין 1876, און „לומפּאַציוס וואַגאַבונדוס“, איבערזעצט פון רומעניש, אויפגעפירט 1878. אָננעמענדיק אָבער גאָלדפאַדענס דערקלערונג, אַז גראַדנער איז געווען כמעט אַן אַנאַלפאַבעט, דאַרף מען פאַרשטיין, אַז סיי די אָריגינעלע פּיעסע, סיי די איבערזעצונג טראָגן נאָר פיקטיוו גראַדנערס נאָמען.

ווי פישזאָן גיט איבער אין זיינע זכרונות, האָט זיך ג. גענומען שטאַרק צום האַרצן די סכסוכים אין די טרופּעס און דעם פאַרבאָט אויפן יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד.

יעקב פּ. אַדלער שרייבט וועגן ג.ן: „אויף ישראליקל גראַדנער האָב איך געלייגט אַ גרויסן ווערט. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכן איך האָב געהערט אַלס פאָלקסזינגער אין גרויסע לאָקאַלן, און וועלכן איך האָב געזען צוזאַמענשטעלן בילדער און סצענען פון יידישן לעבן“.

זעליג מאָגולעסקאָ דערציילט וועגן ג. אין זיינע זכרונות: „ווען ער וואָלט געווען אין אַמעריקע וואָלט ער אַלס דראַמאַטיסט געווען אַזוי ווי אַדלער. ער איז אָבער אויך געווען אַן אויסגעצייכנטער קאָמיקער. יאָ, ער איז געווען אַ געבוירענער טאַלאַנט, און זיין „באָבע“ איז געווען אַן אמתדיקע שטיק קונסט, און ער האָט אויסגעזען ווי אַ קינסטלער. ער איז ניט געווען קיין הויכער, אָבער אַ שיינער, מיט אַ הויכן שטערן, מיט דונקעלע, אויסדרוקספולע אויגן, מיט אַ סימפּאַטיש געזיכט. איר וואָלט גלייך דערקענט, אַז דאָס איז אַן אַרטיסט אָדער אַ פּאָעט“.

ג. איז — לויט פערדינאַנד שטויב — געווען זייער מוזיקאַליש. ער פלעגט זיך איינקויפן מוזיק פון היידען, הענדל א. ד. ג., און צו די דאָזיקע קאָמפּאָזיציעס לאָזן אָנשרייבן לידער פאַר זיך און פאַר זיין פרוי. אין „שולמית“ פלעגט ג. ניט האָבן קיין ראָל, נאָר ער פלעגט אַלס איינער פון די פּאַסטוכער שפּילן אויף אַ הילצערן פייפל און דערמיט געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג.

שטויב גיט אויך איבער, אַז ג. איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער קאָרטן-שפּילער. טעג און נעכט פלעגט ער זיצן ביים שפּילן, צוליב וואָס עס האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט ליטאָטאָמי און פּסח (אַפּריל) 1887 איז ג. געשטאָרבן אין דייטשן האָספּיטאַל אין לאָנדאָן און געקומען צו קבורה מחוץ דעם גדר אויפן סטרעטפאָרד בית-עולם.

ביז היינטיקן טאָג איז ניטאָ קיין מצבה אויף זיין קבר.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ I. זז. 147-242, II. 46-50, 150.
ב. גאָרין — (רשימה פון פּיעסן).

יעקב פ. אַדלער — מיין לעבענס געשיכטע, „דער טעאַטער-זשורנאַל", נ. י., 3, 1901.

יאַקאָב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער בינע, „די וואַרהייט", נ. י., 12 מאַי 1917.

ראובן ווייסמאַן — „אידיש טעאַטער" (רעד. א. טענענהאָלץ), נ. י. 1923, זז. 5-4.

דזשייקאָב פּ. אַדלער — „מיין לעבען", „די נייע וואַרהייט", נ. י. 21, 25 מערץ, 23 אַפּריל 1925.

אברהם פישזאָן — (זכרונות) „מאָ"זש", 1924-1925.

נ. אויסלענדער — אָ. פינקעל — „א. גאָלדפאַדען", מינסק, זז. 35-27, 41.

שלום פּערלמוטער — דער אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער, „אידישע וועלט", פילאַדעלפיע, 13 אַפּריל, 28-6 מאַי, 1 יוני, 5 יולי, 1928.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג", ווילנע 1928, זז. 54-29, 113-99.

גראַדנער, רייטשעל

[ריינאַלדס]

ג. האָט 5 יאָר געשפּילט פּרימאַדאָנע-ראָלן אין אסתר און סאָול וואַלערשטיינס יידישער טרופּע אין דרום-אַפריקע.

ג. איז די פרוי פון קאָנסולמאַן לואי גראַדנער.

מ. ע. פון אסתר וואַלערשטיין.

ה. הערש — אידיש טעאַטער אין דרום-אַפריקע, „דרום-אַפריקע", יאָהאַניסבורג, 6, 1928.

גראַלל, דוד

[געב. בערך 1880 — געשט. 26 נאָוו. 1925]

געב. בערך 1880 אין סטאַניסלאַוואָ, גאַליציע. פאָטער — א תבואה-סוחר. געלערנט אין חדר, ישיבה און געענדיקט א שול.

אין עלטער פון 11 יאָר אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע צו זיינעם א פעטער, אריינגעטראָטן אין יידישן טעאַטער ביי מאַקס קאַרפּ אַלס ראָלן-איבערשרייבער, דערנאָך געווען אַקטיוו באַטייליקט אין פאַרשיידענע דראַמאַטיק-קלאַבס, דאַן אריינגעטראָטן אין דער יוניע, און געוואָרן א סופלער. בעת דער קראַנקהייט פון אַן אַקטיאָר, פאַרטרעט ג. די ראָל „שמואל יאָסל" אין דער „שחיטה" (מיט קעני ליפּצין), און ווערט זייט דאַן אַן אַקטיאָר, שפּילט 15 יאָר כאַראַקטער-ראָלן מיט מאַשקאָוויטש, אַדלער ווי אויך אין אַפּערעטן-רעפּערטואַר.

צוליב זיין שוואַכן געזונט-צושטאַנד האָט זיך ג. די לעצטע יאָרן צוריקגעצויגן פון דער בינע, און געעפנט א האָטעל אין סאַראַטאָגאַ. דעם 26טן נאָוו. 1925 איז ג. געשטאָרבן, און געקומען צו זיין אייביקער רו אויפן ניו-יאָרקער הר-לבנון-בית עולם.

מ. ע. פון זיין ברודער טשאַרלי גראַלל.

גראַלל, טשאַרלס וו.



געב. 10 פעב. 1884 אין סטאַניסלאַוואָוו, גאַליציע. געקומען אַלס קינד מיט דער פאַמיליע אין אַמעריקע. אין עלטער פון 10 ביז 13 יאָר געווען אין א יתומים-הויז, וואו ער האָט באַקומען א יידישע דערציאונג, און דאָרט זיך באַטייליקט אין די ענגלישע פאָרשטעלונגען. געענדיקט פּאַבליק און האַי-סקול, און כדי זיך צו דערנערן, געגעבן אין די אוונטן לעקציעס, דערנאָך געווען אייניקע יאָר בוכהאַלטער אין א דרוקעריי וואו מען דרוקט אַפּישן, און אזוי נאָך געוואָרן באַקאַנט מיט די דאַמאַלדיקע „ליבהאָבער" און אריינגעטראָטן אין זייערע קלובן.

אין 1904 האָט ג. חתונה מיט ראָזא קאַרפּ, ענדיקט דעם אוניווערזיטעט אַלס אַדוואָקאַט, און ווערט צוזאַמען מיט בלאַנק, סעם ראָזענשטיין און בעלאַ גודינסקי דער מיטדירעקטאָר פון לענאָקס-טעאַטער, וואו מען פירט אויך אויף זיין דראַמע אין 4 אַקטן „שוועסטער און ברידער". נאָכדעם ווי דאָס טעאַטער פאַרמאַכט זיך, עפנט ג. דאָס ליבערטי-טעאַטער אין בראַנזוויל אַלס יידיש טעאַטער, איז דאָרט 8 יאָר דירעקטאָר און עפנט דערנאָך דאָס פּראָספּעקט-טעאַטער אין בראָנקס, וואו ער איז 1 יאָר דירעקטאָר.

אין 1914 איז אויפגעפירט געוואָרן ג.'ס פּיעסע „איר פּאַרטייגונג" אָדער „איר שרעקלעכער סוד".

אָפּגעבנדיק זיך אין זיין אַדוואָקאַטור הויפּטזעכלעך מיט טעאַטער-ענינים, האָט ג. דורכגעפירט די קניה פון „לאָנדאָן-טעאַטער" אַלס יידיש טעאַטער פאַר קעני ליפּצין, האָט פאַרוואַנדלט אין באָסטאָן דעם היפּאָדראָם פאַר א יידיש טעאַטער, איז געווען דער איניציאַטאָר פון אויפבויען דאָס טעאַטער אויף דער 12טער סטריט אין ניו-יאָרק (צוערשט „שוואַרצס קונסט-טעאַטער", דערנאָך גערופן „פאָלקס-טעאַטער"), און פון פּאַבליק-טעאַטער אויף דער 4טער סטריט אין ניו-יאָרק.

ג. האָט געגרינדעט די יידישע טעאַטער-מענעדזשער-אַסאָסיאַיישאַן, און איז זייט 1920 דער אָפיציעלער אַדוואָקאַט פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע.

ג. איז געווען דער סעקרעטער פון פאַרלאַגס-קאָמיטעט פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער".

מ. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II (רשימה פון פּיעסן).

גראַנאָווסקי, אַלעקסאַנדער

[אברהם אזארך]

געבוירן 1890 אין מאָסקווע, רוסלאַנד. אייניקע טעג נאָך זיין געבורט ווערט זיין פאַמיליע אַרויסגעשיקט, צוליבן גירוש, און זי טראָגט זיך איבער קיין ריגע (לעטלאַנד, דאַמאָלט רוסלאַנד), וואו ג. זאַפּט איין אין זיך די דייטשע און בכלל מערב-אייראָפּעאישע קולטור. נאָכן ענדיקן אין מינכען (בייערן) די קונסט-אַקאַדעמיע, שטודירט ג. אין פּעטערבורג און פאָרט צוריק קיין אויסלאַנד ווייטער שטודירן.

נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע קערט ג. צוריק קיין רוסלאַנד און אין אָנהייב 1918 פּרובט ער דורך אייניקע צופעליקע פאָרשטע-

לונגען צו פּראָקלאַמירן אויף די בינע-ברעטער זיין קינסטלערישן אני-מאמין. די פאָרשטעלונגען ווערן פּרינציפּיעל איינגעאָרדנט מיט „ליבהאָבער״.

אין אָנהייב 1919 באַשטימט אים די יידישע סעקציע ביים פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונגס-ענינים אין ראַטנפאַרבאַנד צו עפענען אַ יידישע טעאַטער-סטודיע. אין דער סטודיע ווערן אָנגענומען שילער ניט עלטער פון 27 יאָר. נאָך פּראָבן פון 6 חדשים הייבט אָן די סטודיע איר טעטיקייט אונטער ג.׳ס רעזשי דעם 28 יוני 1919 אין געוועזענעם סובאָרין-טעאַטער אין פּעטראָגראַד מיט אַ פּראָלאָג, געשריבן פון ג., מעטערלינגס „די בלינדע״ און אשם „דער זינדיקער״. דעם 31 יוני 1919 ווערט אין זעלבן טעאַטער אויפגעפירט דורך דער סטודיע אין ג.׳ס רעזשי אַשם „אמנון און תמר״ און „אום ווינטער״.

נאָכן שפּילן אייניקע פאָרשטעלונגען אין וויטעבסק, רייסט איבער די סטודיע אירע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען אויף 1½ יאָר און דעם 20 נאָוועמבער 1920 ווערט זי, אַלס טרופּע, אַריבערגעפירט קיין מאָסקווע, וואו זי הייבט אָן שפּילן א״נ „יידישער קאַמער-טעאַטער״ אָדער „מאָסקווער יידישער מלוכה-טעאַטער״ [מי״מט] מיט ג. אַלס קונסט-דירעקטאָר.

זייט דאַמאָלט האָט די טרופּע אויפגעפירט אין ג.׳ס רעזשי: שלום עליכםס אײנאַקטערס „אַגענטן״, „דער פאַרשטערטער פּסח״ (מאָנאָלאָג) און „מזל טוב״, ווייטערס „פּאַרטאָג״, אַשס „גאָט פון נקמה״, שלום עליכםס „ס׳אַליגן״, גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ״, גאָלדפאַדענס „די כישוף-מאַכערין״, שלום עליכםס „200 טויזנט״ [„דאָס גרויסע געווינס״], „קאַרנעוואַל פון יידישע קאָמעדיאַנטן״, שלום עליכםס „דער גט״, „דריי פּינטעלעך״ (פון ג., דאָברושין און אויסלענדער), פּרײַס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ (איבערגעאַרבעט פון ג., געדרוקט אין „ניי-ערד״, מאָסקווע, 1925, 1), גאָלדפאַדענס „דאָס צענטע געבאָט״, וויעוויאָרקאָס „137 קינדער-הייזער״, זשול ראָמענס „טרוּדאַדעק״, מענדעלע מוכר ספרימס „מסעות בנימין השלישי״, ליפּע רעזניקס „אויפשטאַנד״ און שלום עליכםס „מנחם-מענדל״.

ג. האָט אויך מיט די מיטגלידער פון „מימ״ט״ רעזשיסירט דעם פילם „יידישע גליקן״ לויט שלום-עליכםס „מנחם-מענדל״.

ג. האָט מיט דער טרופּע געמאַכט אייניקע טורנעען איבער ראַטנפאַרבאַנד און אין 1928-29 באַזוכט מערב-אייראָפּע, וואו ער איז צייטווייליק פאַרבליבן.

מ. ע.

מ. ליטוואַקאָוו — „פינף יאָר מלוכישער אידישער קאַמער־טעאַטער״, מאָסקווע, 1924.

מענדל עלקין — מיין לעצטע באַגעגניש מיט בעל־מחשבות, „טעאַליט״, נ. י., פעברואַר 1924.

נ. ראָסט — גראַנאָווסקי, „ווילנער טאָג״, 2 אָקטאָבער 1926

א. גורשטיין — פון גאָלדפאַדען ביז גראַנאָווסקי, „ליטב״לט״ 96.

י. דאָברושין — גאָלדפאַדן און גראַנאָווסקי, „דער האַמער״, נ. י. דעצעמבער 1926.

דער סאָוויעטישער טעאַטר אין „טעאַטר־בוך״, קיעוו, 1927.

מאַרק שאַגאַל — מיין אַרבעט אין מאָסקווער יידישן קאַמער־טעאַטער, „יידישע וועלט״, 2, 1928.

נחמן מייזיל — גראַנאָווסקי, מיכאעלס און זוסקין — אַ יישר כח אייך!, „ליטבל״ט״ וואַרשע, 20, 1928.

“Das Moskauer Jüdische Theater,” Berlin, 1928.

[זע געשיכטע פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע.]

הערמאַן סוועט — מייערכאָלד און גראַנאָווסקי, „ליט״בלט״, 19, 1930.

גראַנאַך, אַלעקסאַנדער



געב. 1893 אין וויעזשכאָווצע, לעבן האָראָדענקאָ, מזרח-גאַליציע. שוין אַלס קינד פון 6 יאָר איז ג. באַשעפטיקט אין דער בעקעריי, וואָס זיין פאָטער האָט געעפנט אין האָראָדענקאָ, וואוהין די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך אַריבערגעטראָגן.

אין עלטער פון 12 יאָר פאָרט ג. קיין זאַלעטשיקי, וואו ער אַרבעט אַלס בעקער. דאָ זעט ער צום ערשטן מאָל שפּילן אוקראַאינישע און יידישע טרופּעס. דאָס שפּילן מאַכט אויף אים אַזאַ איינדרוק, אַז ער באַשליסט צו ווערן אַן אַקטיאָר. ער פאָרט קיין לעמבערג, טרעט אַריין אין דאָרטיקן דראַמאַטישן קרייז ביי דער יידיש-סאָציאַליסטישער סעקציע, וואַנדערט אויס דערנאָך קיין בערלין, און נאָך פיל שוועריקייטן, דורכמאַכנדיק אויך צוליב דער בינע-קאַריער אַן אָפּעראַציע אויף די פיס, ווערט ער אַריינגענומען אין דער שוישפּילער-שול ביי ריינהאַרטס „דייטשעס טעאַטער״. אַרבעטנדיק ווייטער ביי זיין פאַך, האָט איצט ג., אַלס סטודענט פון ריינהאַרטס שול, די געלעגנהייט צו שפּילן מיט די גרעסטע דייטשע שוישפּילער: באַסערמאַן, מאָיסי, שילדקרויט, וועגענער א. א., אָבער ג.׳ן ציט אַלץ צום יידישן טעאַטער, פאַרברייננגט ער זיינע פרייע אָוונטן ביי דער קליינער יידישער טרופּע (לאַרעסקאָ און פרוי, קלוג און פרוי, מעסטעל א. א.), וועלכע שפּילט דאַמאָלט (1913) אין בערלין.

בעת דער וועלט-מלחמה דינט ג. אַלס אונטער-אָפיציר אין דער עסטרייכישער אַרמיי, פאַלט אַריין אין איטאַליענישער געפאַנגענשאַפט, און נאָכן אַנטלויפן פון דאָרט, שפּילט ער אַ קורצע צייט אין ווין, ביז ער ווערט אַנגאַזשירט אין מינכענער שוישפּיל-הויז. פון דאָרט גייט ער איבער צו באַרנאָווסקי אין בערלין און האָט ערשט איצט די מעגלעכקייט צו דערפילן זיין אַלטן חלום: ער שפּילט פון צייט צו צייט יידיש טעאַטער אין אַ געמישטן רעפּערטואַר פון „בינקע-פינקע״ ביז אַשם „גאָט פון נקמה״. באַלד אָבער ווערט ער אַנגאַזשירט פון יעסנער פאַרן בערלינער דייטשן שטאַט-טעאַטער, גייט איבער דערנאָך צו דער „דייטשער פאָלקסבינע״, וואו ער טרעט אויף אַלס „מעפיסטאָ״ און „שיילאָק״, און פון דאָרט צו דער פּיסקאַטאָר-בינע.

ש. ע. פון יעקב מעסטעל.

גיטל מייזיל — אַלעקסאַנדער גראַנאַך, „ליט״בל״, 12, 1927.

Arnold Zweig—“Juden auf der Deutschen Bühne,” Berlin, 1928, pp. 149-156.

א. מייזעלס — יודען אויף דער יודישער און נישט־יודישער ביהנע, „דער מאָרגען״, לעמבערג, 25 אַפּריל 1929.

נחמן מייזעל — אַלעקסאַנדער גראַנאַך, „די פּאָסט״, לאָנדאָן, 22 נאָוו. 1929.

י. ש. גאָלדשטיין — אַ געשפּרעך מיט אַלעקסאַנדער גראַנאַך, „היינט״, וואַרשע, 5 אויגוסט 1930.

נחמן מייזעל — פון אַ בעקער־יונג איז ער געוואָרען אַ באַרימטער דייטשער שוישפּילער, „פאָרווערטס״, 16 נאָוו. 1930.

גראָנעמאַן, סאַמי דר.

געב. 1875 אין שטראַסבורג, מערב-פּרייסן. אַדוואָקאַט און נאָטאַר אין בערלין. מחבר פון די ראָמאַנען „תוהו ובוהו", וועלט-פאַרלאַג, בערלין, „הבדלה און צאַפּפענשטרייך", יידישער-פאַרלאַג, בערלין, און „שאַלעט", פילאָזאָפישע בייטראַגן, יידישער-פאַרלאַג, בערלין. „תוהו ובוהו" איז באַאַרבעט געוואָרן אַלס דראַמע פון האָלענדישן דראַמאַטיקער יאַן פאַבריציוס.

ג. איז בעת דער וועלט-מלחמה געווען יידישער איבערזעצער אין שטאַב פון „אָבעראָסט", און איז אַזוינאָך געקומען אין באַרירונג מיט דער „ווילנער טרופּע", וועלכע ער האָט דער ערשטער, דורך זיינע אַרטיקלען אין דער דייטשער פּרעסע, אַרויסגעפירט פאַר דער נישט-יידישער עפנטלעכקייט, און דערנאָך געווען פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט געגרינדעט אַ יידיש קינסטלער-טעאַטער אין בערלין.

ש. ע.

דוד איינהאָרן — די מלחמה האָט געשאַפן אַ אידישען פאָלקס-טהעאַטער אין בערלין, „פאָרוו.", נ. י. 7 אויגוסט 1921.

ס. גראָנעמאַן — וועגען אידישען קינסטלער-טעאַטער אין בערלין, „היינט", 19 מערץ, 1922.

משה שאַליט — די ליידן פון יידיש אין די אָקופּאַציע-צייטן, „ליט"בל", 39, 1925.

„לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" (ביאָגראַפיע אַזרא אַלעקסאַנדער).

גראָס, אייבי

געב. 13 אויג. 1893 אין סטאַניסלאַוו, גאַליציע. פאָטער — אַ בעקער. געלערנט אין אַ חדר און דערנאָך אין באַראָן הירש-שול. געוואָרן אַ סטאָלער-אַרבעטער, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין חשק צו דער אַרבעט, באַזונדערס האָט אים גערייצט דאָס, וואָס אַקטיאָרן הויבן זיך אויף שפּעט, און אין עלטער פון 15 יאָר ווערט ער אַ סטאַטיסט אין שעהנבערגס טרופּע, וואו ער הויבט אויך שפּעטער אָן שפּילן קליינע ראָלן.

אין עלטער פון 17 יאָר קומט ער צו זיינעם אַ ברודער אין אַמעריקע, וואו ער אַרבעט אַלס סטאָלער. אָבער אַזוי ווי עס ציט אים צום טעאַטער, ווערט ער אַ בינע-אַרבעטער אין אַ יידישן וואַריעטע, שפּילנדיק אויך פון צייט צו צייט קליינע ראָלן.

אין 1916 טרעט ער אַריין אין לענאָקס-טעאַטער אַלס סטיידזשמענעדזשער און שפּילט קליינע ראָלן. דאָרט אַרבעט ער 4 יאָר.

אין 1920 ווערט ער אַ מיטגליד אין לאָקאַל 5.

זיין ערשטער אַרויסטריט אויף דער לעגיטימער בינע איז אין פילאַדעלפיע צוזאַמען מיט צילע אַדלער, בלאַנק און קעסטין.

ווען ביידע יוניעס פאַראייניקן זיך, ווערט ער אַ מיטגליד אין דער אַקטיאָרן־יוניע, און פאָרט אַרום מיט פאַרשיידענע טרופּעס אין דער סביבה פון ניו־יאָרק.

פון 1921-1925 שפּילט ער אין נייטאַן גאָלדבערגס טרופּע און זייט 1925 אין ניישאָנעל־טעאַטער, וואו ער איז אויך סטיידזש־מענעדזשער.

מ. ע.

גראָס, נפתלי

געבוירן אין קאָלאָמעאָ, מזרח-גאַליציע, אין אַ משפּחה, וועלכע שטאַמט פון ר' גרשון קיטעווער. געלערנט אין חדר, אין שול און פיל געלייענט דייטשע און העברעאישע ליטעראַטור. אַ געוויסע צייט אויך געלערנט אין גימנאַזיע. געשריבן דייטשע לידער און אַ היסטאָרישע דראַמע אין יידיש. 1913 — פאַרלאָזט די היים און נאָכן וואַנדערן איבער אייניקע לענדער זיך באַזעצט אין אַמעריקע, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט לידער אין פאַרשיידענע אויסגאַבן און אַרויסגעגעבן אייניקע לידער-זאַמלונגען.

ג. האָט אין „צוקונפט", מאַי 1923, אָפּגעדרוקט זיין איבערזעצונג פון ריכאַרד בער האָפמאַנס פאָרשפּיל אין צוויי אַקטן „יעקבס חלום".

ז. רייזען — „לעק. ייד. ליט." I, זז. 14-612.

גראָסבערג, חנה

[מאַנדעלטאָרט]

געב. 1900 אין לובלין, פּוילן. עלטערן — אַרבעטער. אין עלטער פון 9 יאָר געוואָרן אַ הוט-פּוצערקע. אין 1917 אַריינגעטראָטן אין כאָר פון הערשקאָוויטשס טרופּע מיט וועלכער זי פאָרט איבער דער פּראָווינץ. אין 1918 אַריינגעטראָטן אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער (דירעקציע מ. ד. וואַקסמאַן און יוליא זאַנדבערג), וואו ג. טרעט אויף אַלס „ליליי" אין אַנשעל שאָרס „שיר השירים". נאָכן שפּילן 2 יאָר פּרימאַדאָנעס, גייט ג. איבער אין וואַרשעווער „סקאַלאַ" צום זשאַנר פון סוברעטינס. אין 1920 געשפּילט מיט אַ חברים-טרופּע אין ביאַליסטאָק, און פון דאָרט אַריבער קיין ליטע, וואו זי שפּילט ביי זייער שווערע באַדינגונגען צוויי יאָר, זייענדיק אַ געוויסע צייט געצוואונגען צו מאַכן אַ לעבן פון זינגען יידישע און רוסישע לידלעך אין שאַנטאַנען. צוריקגעקומען קיין פּוילן טרעט ג. אַריין צו קאָמפּאַניעיען מיט וועלכן זי פאָרט אויך אין 1923 קיין ריגע. דערנאָך שפּילט זי אין וואַרשעווער „סמבטיון" און מיט פאַרשיידענע טרופּעס. 1927-8 ווערט ג. אַנגאַזשירט צו יאָזעף קעסלער אין לאָנדאָן און 1928-9 שפּילט ג. ווידער אין פּוילן.

מ. ע.

חנה גראָסבערג — ווי אַזוי בין איך געקומען צו דער ביהנע? „די פּאָסט", לאָנדאָן, 2 דעצ., 1927, „טעאַטער־צייט", וואַרשע, 1, 1928.

דער מאַן פון די באָקס — אַננאַ גראָסבערג, „פּאָסט", לאָנדאָן, 6 יאַנ., 1928.

גראָסמאַן, אירווינג

[יצחק לייב]

געב. 20 דעצ. 1900 אין באָסטאָן, אַמעריקע. פאָטער — געווען אַ מיטגליד אין אַ דראַמאַטישן קלאָב, מוטער — אַ יידישע אַקטריסע, און אַ מומע — אַ כאָריסטקע אין יידישן טעאַטער. געלערנט יידיש ביי אַ לערער און געענדיקט פּאָבליק-און האַי-סקול אין שיקאַגאָ, וואו זיינע עלטערן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט אַ יידישער וואַנדער-טרופּע, האָבן זיך דערווייל באַזעצט.

ביז דער עלטער פון 14 יאָר געשפּילט קינ-

דער-ראָלן אין דער דאָזיקער טרופּע, און אין שול זיך באַטייליקט אין די יאָרלעכע ענגלישע פאָרשטעלונגען.

די ערשטע ראָל אַלס דערוואַקסענער: „מנשה" אין גאָרדינס „יידישער גלח", און פון דאַמאָלט אָן געשפּילט בוף-קאָמישע ראָלן אין זיין פאָטערס טרופּע.

אין 1919 געשפּילט אַ סעזאָן ענגליש טעאַטער מיט דער בעלאַסקאָ סטאָק-קאָמפּאַניע אין סאַן-פראַנציסקאָ.

טאָמאַשעווסקי, וועלכער האָט אים געזען שפּילן אין קליוולאַנד, אַנגאַזשירט אים אין 1923 פאַר זיין יידיש טעאַטער אויף בראָדוויי אין ניו-יאָרק, וואו ער טרעט שוין אויף אין ליבהאָבער-ראָלן, דאָרט שפּילט ער 28 וואָכן, דערנאָך פאָרט ער מיט דער טרופּע איבער דער פּראָווינץ, דאַן שפּילט ער אַ סעזאָן אין באָסטאָן ביי דזשוליוס נאַטאַנסאָן, 2 סעזאָנען אין ניישאַנאַל ביי לואי גאָלדבערג, זומער 1927 און 1928 ענגליש וואָדעוויל אין פּאַקס-סוירקעט, 1927-9 — ווידער יידיש אין סעקאָנד עוועניו-טעאַטער און 1929-30 אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט-טעאַטער.

אַמפּלואַ — געזאַנגס-ליבהאָבער.

מ. ע.

גראָסמאַן, דזשאָזעף מ.

געב. 1903 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. עלטערן — יידישע אַקטיאָרן. געלערנט אין האַי-סקול. אַלס קינד אויפגעטראָטן אין ליבינס סקעטש „דער מאַטראַמאַן" און אַלס דערוואַקסענער געשפּילט ליבהאָבער-ראָלן. דערנאָך פאַרלאָזט די בינע און געוואָרן מענעדזשער אין זיין עלטערנס טרופּע, דערונטער 4 יאָר אין סאַן-פראַנציסקאָ. אין 1923 קערט ג. צוריק צו דער בינע און האָט די געלעגנהייט אין קליוולאַנד צו שפּילן צוזאַמען מיט טאָמאַשעווסקי, בלאַנק און קלאַראַ יאָנג. אין 1926 ווערט ג. אין קליוולאַנד ווידער פאַרוואַלטער פון דער טרופּע. דאַן ווערט ער אַנגאַזשירט דורך שוואַרצן אַלס מענעדזשער פאַרן יידישן קונסט-טעאַטער.

ש. ע. פון שלום פּערלמוטער.

גראָסמאַן, העלען

געב. 1898 אין באָסטאָן, אַמעריקע. עלטערן — יידישע אַקטיאָרן. געלערנט אין פּאַבליק און האַי-סקול און יידיש פּריוואַט ביי לערער. אַלס 5-יאָריק קינד אָנגעהויבן שפּילן קינדער-ראָלן אין אירע עלטערנס טרופּע, און שפּעטער דערוואַקסענע ראָלן. זייט 1916 איז ג. די הויפּטראָליסטין אין דער דאָזיקער טרופּע, מיט וועלכער זי איז אַרומגעפאָרן איבער אַמעריקע.

אין 1920 איז ג. אַנגאַזשירט געוואָרן צום ענגלישן טעאַטער-מענעדזשער סאַליוער מאָראָסקאָ פאַר דער פּיעסע „אייבים אייריש ראָוז", אין וועלכער זי האָט 72 וואָכן געשפּילט די ראָל „מרס. קאָן".

ש. ע. פון שלום פּערלמוטער.

גראָסמאַן, וו. מ.

[דוד וואָלף]

געב. 3 יאַנואַר 1891 אין דאָרף שטשאַווין, וואַרש. גוב., פּוילן. פאָטער — אַ וואַלד-סוחר, וועלכער וואַנדערט אויס קיין אַמעריקע, אַזוי ווי די מוטער איז געשטאָרבן ווען ג. איז 1 יאָר אַלט געווען, איז ער דערצויגן געוואָרן ביי אַ מומע אין וואַרשע.

ג. טרעט אַריין צו יוליוס אַסקאָרן אין זיין דראַמאַטישער סטודיע, און פון דאָרט גייט ער איבער אין דער טרופּע פון לערמאַנקע. דאַן פאָרט ער צו פּישאָנען קיין בעלז, און פון דאָרט מאַכט ער מיט דעם טורנעע פון פּישאָנס טרופּע, אין 1913 ווערט ג. אַנגאַזשירט צו יוליוס אַדלער אין לאָדזשער צירק, דערנאָך אין וואַרשע ביי קאָמפּאַנעיעץ, שפּעטער אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער ביי זאַנדבערג. ווען די מלחמה ברעכט אויס שפּילט ער אין פּינסק, און אָרגאַניזירט באַלד דערויף צוזאַמען מיט וואָלפזאָן און קאַזשדאַן אַן אייגענע טרופּע מיט וועלכער ער פאָרט אַרום 2 סעזאָנען איבער רוסלאַנד, דאַן טרעט ער אַריין אין אַ חברים-טרופּע אין טאַשקענט. אין 1924 שפּילט ער אין מאָסקווע, דערנאָך ווידער אין טאַשקענט ביז 1928, שפּילנדיק אַ יאָר אין יידישן אַרבעטער-הויז, און באַקומענדיק שכירות פון דער רעגירונג פאַר שפּילן בלויז אַ דראַמאַטישן רעפּערטואַר, דאַן אין אַ קאָאָפּעראַטיווער טרופּע, וועלכע שפּילט שוין אויך אָפּערעטן. ווען די טרופּע צעפאַלט זיך בלייבט ג. רעזשיסער פון די דאָרטיקע „ליבהאָבער".

מ. ע. פון אַננאַ נאַטאַנסאָן.

גראָסמאַן, יעקב

געבוירן 1890 אין לאָמזשע, פּוילן. פאָטער — אַ שניידער. 1893 — געקומען מיט דער פאַמיליע אין ניו-יאָרק. דאָ געלערנט אין חדר און אין סקול. 1904 — באַטייליקט זיך אין ענגלישן דראַמאַטישן קלוב ביי דער עדיוקיישאַנאַל עליינס. 2 יאָר שפּעטער געגרינדעט מיט חברים דעם „היברו דראַמאַטיק קלאַב" (אברהם פּישקינד — רעזשיסער) און דאָרט דעביוטירט אַלס „קבצנזאָן" אין גאָלדפאַדענס „הונגערמאַן און קבצנזאָן". דערנאָך אַריינגעטראָטן אין אַ פּראָפעסיאָנעלער טרופּע אויף דער פּראָווינץ, געשפּילט אַ קורצע צייט אין מעטראָפּאָליטאַן זינגערהאָל אין בראָנזוויל און ווידער אין דער פּראָווינץ. ג. איז געווען אַ מיטגליד פון דער „אינדאַסטריאַל יוניאָן".

די לעצטע יאָרן איז ג. אָנפירער און שוישפּילער אין ניט-יוניע-טרופּעס.

מ. ע.

גראָסמאַן, סילוויאַ

געבוירן אין ניו־יאָרק, אַמעריקע, וואו זי האָט געענדיקט אַ פאָלקס־שול און געלערנט יידיש אין אַ חדר.

ג. האָט געשפילט קינדער־ראָלן מיט בעסי טאָמאַשעווסקי, דערנאָך ראָלן פון דערוואַקסענע אין פאַרשיידענע פראָווינץ־שטעט.

1929-30 — געשפילט אין ניו־יאָרקער אַמפיאָן — [ניט־יוניע] - טעאַטער.

אַמפּלואַ—יוגנטלעכע דראַמאַטיסטין. [מ.ע.]

גראָסמאַן, סעמועל ב.

געבוירן 27 אויגוסט 1879 אין זבאראַ, אונגאַרן, פאָטער — אַ סוחר. געלערנט אין ישיבה, און למודי־חוץ פריוואַט ביי לערער.

אין עלטער פון 12 יאָר ווערט ג. אַ יתום, און ער פאָרט אָפּ צו זיין ברודער, אַ רב אין לעמיש, וואָס האַלט אים אויס 2 יאָר אין אַ ישיבה. פון דאָרט פאָרט ג. אין 1893 קיין אַמעריקע, וואו ער אַרבעט די ערשטע יאָרן ביי פאַרשיידענע מלאכות.

באַזוכנדיק אָפט דאָס יידישע טעאַטער, דערוועקט זיך ביי ג. דער חשק צו ווערן אַן אַקטיאָר און ער טרעט אַריין אין „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב", וואו ער באַטייליקט זיך פון צייט צו צייט אין די פאָרשטעלונגען.

אין 1903 וואַרפט ג. אַלע פרנסות און פאָרט אַרום מיט אַקטיאָרן 2 יאָר איבער דער סביבה פון ניו־יאָרק. אין 1905 ווערט ג. אַנגאַזשירט צו אַגעדן אין זיין קלינטאָן־וואָדעוויל־הויז. אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט ג. חתונה מיט פעני אַדלער, און נעמט איבער אין 1906 אונטער זיין מענעדזשמענט דאָס דריטע סטריט טעאַטער, וואו ער שפילט צוזאַמען מיט זיין פרוי. אין 1907 איז ג. מענעדזשער פון קאָלומביאַ־טעאַטער אין באָסטאָן און 1908־13 — מענעדזשער פון פאַרשיידענע טעאַטערס אין שיקאַגאָ און דערנאָך אין וויניפעג, קאַנאַדע.

אין משך פון די לעצטע 15 יאָר האָט ג. אַרומגעוואַנדערט מיט זיין טרופּע, אין וועלכער ס'האָבן אויך געשפילט אַלע זיינע קינדער, איבער אַמעריקע און קאַנאַדע, און איז געווען דער ערשטער צו שפילן 3 יאָר יידיש טעאַטער (אין סעוואָי־טעאַטער) אין סאַן פראַנציסקאָ, קאַליפאָרניע. אין 1927 איז ג. געווען דער איניציאַטאָר אויפצובויען דאָס ראָלאַנד־טעאַטער אין ברוקלין.

ש. ע. פון שלום פערלמוטער.

גראָסמאַן, פעני

[אַדלער]

געב. 1878 אין בלאַזשאַווא, גאַליציע. באַזוכט אַ פאָלקס־שול, און געלערנט יידיש פריוואַט ביי לערער. אין 1890 געקומען אין אַמעריקע, געטאָן דאָ פאַרשיידענע מלאכות, און געוואָרן אַ מיטגליד פריער אין „דיימאָנט סטאַר־דראַמאַטיק קלאָב" און שפעטער אין אברהם גאָלדפאַדען דראַמאַטיק קלוב, וואו זי האָט געהאַט די געלעגנהייט צו באַטייליקן זיך אין זייערע פאָרשטעלונגען.

אין 1897 האָט ג. חתונה מיט סעמיועל גראָסמאַן, און באַזעצט זיך אין באָסטאָן, וואו זי הייבט אָן שפילן פּראָפעסיאָנעל אונטערן מענעדזשמענט פון יאָזעף פיליפּ און ה. וואַכטעל.

ג. האָט שפעטער מיט איר מאַן און אירע קינדער, וועלכע זיינען אַלע געוואָרן אַקטיאָרן, געוואַנדערט איבער אַמעריקע, וואו זי האָט צוערשט געשפילט אַלס דראַמאַטיסטין, דערנאָך אַלס מוטער־ראָליסטין.

ש. ע. פון שלום פערלמוטער.

גראָסמאַן, שלמה

[געב. 23 יוני 1893 — געשט. 5 אויגוסט 1930]

געבוירן 23 יוני 1893 אין אַלענטאָן, פענסילוועניאַ, אַמעריקע. פאָטער — רב אין פילאַדעלפיע. געזאָלט ווערן ראַבינער און געלערנט אין שעכטערס ראַבינער־סעמינאַר, אָבער נאָכן באַקומען דעם בעטשלאָר־דעגרי פון קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט, וואו ער האָט אויך אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע מיט רעדאַקטירן דעם אוניווערזיטעט־זשורנאַל, איז ג. אַריינגעטראָטן אין ביוראָ אָוו עדיוקיישאָן, וואָס איז געווען אַ טייל פון דער יידישער קהלה אין ניו־יאָרק.

בעת דער מלחמה אַרבעט ג. אין דזשואיש וועלפעיר באָרד, וואו ער איז דירעקטאָר פון פאַרוויילונגען, אַראַנזשירט פאָרשטעלונגען און קאָנצערטן פאַר די יידישע סאָלדאַטן אין די מיליטערישע קעמפּס און צו דעם צוועק שרייבט ער און באַאַרבעט איינאַקטערס אין ענגליש.

ווען שניצער גרינדעט דעם יידישן קונסט־טעאַטער אין ניו־יאָרק, פאַרלאָזט ג. זיין ביוראָ־אַרבעט און ווערט פאַרוואַלטער פון דעם טעאַטער. שפעטער איז ג. געווען אַ לענגערע צייט פּובליסיטי־מענעדזשער פאַר שוואַרץ יידישן קונסט־טעאַטער, פאַר וועלכן ער האָט איבערזעצט אין יידיש גאָגאָלס „רעוויזאָר", וואָס ווערט געשפילט אין דאָזיקן טעאַטער.

ז. סעגאַלאָוויטש האָט עפנטלעך באַשולדיקט, אַז אין קונסט־טעאַטער האָט מען געשפילט דעם „רעוויזאָר" פון זיין [סעגאַלאָוויטשעס] געדרוקטער איבערזעצונג.

1926-27 — איז ג. געווען דער דירעקטאָר פון אַנגלאָ־דזשואיש פּלעי־האַוז און האָט דאָ אויפגעפירט צ'אַ זיין ענגלישע איבערזעצונג פון פּרץ הירשביינס „די גרינע פעלדער".

אין 1927 איז ער אויך געווען אַ קורצע צייט פּובליסיטי־מענעדזשער און מיטגליד פון דער רעפּערטואַר־קאָמיסיע אין יידישן אירווינג פּליים קונסט־טעאַטער.

ג. האָט אויך איבערזעצט אין ענגליש „שמאַטעס" פון לייוויק און די פּיעסע „שמשון און דלילה", מיט וועלכער בן־עמי איז איבערגעגאַנגען צו דער ענגלישער בינע.

אַ געוויסע צייט האָט ער געדרוקט אין ענגליש־יידישע זשורנאַלן איינאַקטערס און דערציילונגען פאַר קינדער. די ביוראָ אָוו דזשואיש עדיוקיישאָן האָט אין בראשור־פאָרם אַרויסגעגעבן בערך 70 פון דיזאָזיקע איינאַקטערס, וועלכע זיינען געשפילט געוואָרן אין די יידישע קאָמיוניטי־סענטערס.

די לעצטע צייט האָט ג. געפּרובט אַרבעטן פאַר טאָקיס.

דעם 5 אויגוסט 1930 איז ג. צוליב דחקות, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין באָסטאָן.

אַלטער עפּשטיין כאַראַקטעריזירט אַזוי ג.'ס טעטיקייט: „ער

איז געווען דורך און דורך יידיש. האָט גערעדט אַ זייער גוטן יידיש און זיך באַרימט מיט דעם. אָבער ער האָט שטענדיק אָנגעהאַלטן זיינע פאַרבינדונגען מיט דער ענגלישער געזעלשאַפט און די אַמעריקאַנער ליטעראַרישע קרייזן. ער איז געווען ציטנווייז אַ פאַרמיטלער צווישן די צוויי וועלטן און מען האָט פון אים פיל ערוואַרט. . . .ער האָט פיל גוטעס געקאָנט טאָן פאַר דער פּאָפּולאַריזירונג פון דעם יידישן אין דער אַמעריקאַנער וועלט. . . . דאָס יידישע לעבן איז דער הויפּט-מאָטיוו אין אַ סך פון זיינע איינאַקטערס און לידער, וואָס ער האָט געשריבן.״

מ. ע. פון יעקב מעסטעל.

אַלטער עפּשטיין — דער טראַגישער סוף פון דעם יונגען טעאַטראַל, „שליאָמקע״ גראָסמאַן, „דער טאָג״, נ. י. 6 אויגוסט 1930.

מ. בענדאָוו — שלמה גראָסמאַן, אידיש ענגלישער שרייבער, שפּרינגט פון 15טען פלאָר און ווערט דער׳הרג׳עט, „פאָרווערטס״, נ. י. 6 אויגוסט 1930.

[—] שלמה גראָסמאַן, אידישער דראַמאַטורג באַגעהט זעלבסטמאָרד, „מאָז״ש״, נ. י., 6 אויגוסט 1930.

ז. סעגאַלאָוויטש — אַן ערקלערונג וועגן „רעוויזאָר״, „טעאַטער און קונסט״, לאָדזש, 4, 1922.

גראַף, לעאָן

געבוירן 1888 אין אַ דאָרף נעבן יאַסי, רומעניע. געלערנט אין שול און אין קאָנסערוואַטאָריע אין יאַסי. אין עלטער פון 16 יאָר געפאָרן קיין ווין ענדיקן די האַנדלסשול, און פלעגט דאָרט אין רעסטאָראַן ברייער באַגלייטן אויפן קלאַוויר די יידישע פאָלקסזינגער. פון דאָרט ווערט ג. אַנגאַזשירט פון יידישן וואַריעטע-דירעקטאָר ראַבינאָוויטש אויף אַ טורנעע קיין אונגאַרן און צוריקקומענדיק אין ווין ווערט ער דיריגענט אין יידישן טעאַטער, וואו ער טרעט אויך אַמאָל אויף אין אַ ראָל. אין משך פון די 16 יאָר וואָס ג. איז געווען פאַרבונדן מיטן ווינער יידישן טעאַטער, האָט ער אָרקעסטרירט פיל אָפּערעטן, פאַר מאַנכע אָפּערעטן געשריבן ספּעציעלע געזאַנג-נומערן, און געשריבן מוזיק פאַר דער אָפּערעטע „דער שבת-גוי״ פון עומר. זייט 1922 האָט זיך ג. צוריקגעצויגן פון יידישן טעאַטער, און איז דיריגענט אין אַ קינאָ-טעאַטער אין בוקאַרעסט.

ש. ע.

גראַף, פּיטער

[פּתחיה]

געב. 1873 אין לעמבערג, מזרח-גאַליציע, ביי פאַרמעגלעכע, פרומע עלטערן. געלערנט אין חדר און אין שול, וואו ער איז אַלס מעצאָ-סאָפּראַן געווען דער „סטאַר״ פון געזאַנג-קלאַס. דער לערער פון די קינדער, וועלכער איז אויך געווען דיריגענט אין דער לעמבערגער סינאַגאָגע, נעמט אים אַריין אין זיין סינאַגאָגע-כאָר, אָבער ג.׳ס פרומער פאָטער דערלאָזט ניט, אַז זיין בן-יחיד זאָל זינגען אין אַ סינאַגאָגע, וואו עס זינגען יונגלעך צוזאַמען מיט מיידלעך.

שפּעטער ווערט ג. דורכן זעלבן כאָר-דיריגענט געבראַכט צום שטאָטישן חזן ר׳ אהרן שלום שערמאַן, וועלכער איז אַזוי אַנטציקט פון זיין שטים, אַז ער נעמט אים אַריין אין זיין כאָר — מיט דער הסכמה פון ג.׳ס פאָטער — מיט אַן אָפּמאַך אים צו צאָלן פאַר די ערשטע 3 יאָר די סומע פון 75 ראַניש.

ביי דעם חזן האָט ג. געלערנט מוזיק-טעאָריע, און האָט ביי אים געזונגען ביז ער האָט פאַרלוירן זיין מעצאָ-סאָפּראַן.

אין משך פון דער דאָזיקער צייט האָט ג. באַזוכט דאָס פּוילישע און יידישע טעאַטער, און ער האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ יידישער אַקטיאָר.

דער דיריגענט פון יעקב-בער גימפּעלס טרופּע, עסקרייז, האָט אים באַלד צוגענומען אַלס כאָריסט, און דער דאַמאָלטדיקער רעזשיסער פון דער טרופּע, יוסף וויינשטאָק, האָט אים אָנגעהויבן צו געבן קליינע ראָלן.

ג. פלעגט האָבן אַ טבע צו קענען ניט נאָר זיינע קליינע ראָלן, נאָר אַלע ראָלן פון דער פּיעסע, און דאָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין זיין קאַריערע: בעת דער הויפּט-שפּילער פון טעאַטער, יאָזעף וויינשטאָק, איז פּלוצלונג פאַרשוואונדן פון טעאַטער, האָט ג. אויף דער איניציאַטיוו פון דיריגענט עסקרייז, באַקומען די געלעגנהייט אויפצוטרעטן אין דער טיטל-ראָל פון דער אָפּערעטע „שלמה המלך״ און תיכף אַרויסגערופן צו זיך אַ שטאַרקע אויפמערקזאַמקייט.

ווען גאָלדפאַדען קומט דערנאָך קיין לעמבערג אויפפירן זיין „לא תחמוד״, שפּילט ג. „אחיתופל״, שפּעטער קומט קיין לעמבערג אַדלער און נעמט צו די פּאָפּולערע אַקטיאָרן פון דער טרופּע, און דאָס דאָרטיקע טעאַטער בלייבט דאַן זיך שטיצן כמעט בלויז אויף ג.

ווען אין עטלעכע יאָר אַרום קומט קיין לעמבערג הורוויץ און שטעלט צוזאַמען אַ טרופּע פאַר רומעניע, נעמט ער אויך מיט ג.

אין 1900 פירט איבער הורוויץ זיין טרופּע קיין אַמעריקע, און ג. טרעט אויף אין אַן אומבאַדייטנדיקער ראָל אין ווינדזאָר-טעאַטער. אין 1904 ווערט ג. אַנגאַזשירט דורך אַדלערן, און ערשט אין גאָרדינס רעפּערטואַר אַנטפּלעקט ער זיך אַזוי, אַז גאָרדין שרייבט פאַר אים ספּעציעל די ראָלן „ישראל יעקב דער זייגערמאַכער״ אין „דער מטורף״ און „קלמן משה״ אין „דער פרעמדער״. דאַן שפּילט ג. אָפּערעטן און מעלאָדראַמען ביי טאָמאַשעווסקי, שפּעטער ווידער ביי אַדלער, דערנאָך אין עדעלשטיינס טעאַטער, אין אירווינג-פּלייס, אין גרענד-טעאַטער, 1922-7 אין נעבילס טעאַטער, 1927-9 אין פּראָספּעקט טעאַטער און 1929-30 אין זאַמס פאָלקס-טעאַטער.

ש. ע.

אוריאל מזיק — בילדער גאַלעריע פון אונזערע אידישע שוישפּיעלער, „דער טאָג״, נ. י. 3 פעברואַר 1917.

פּיטער גראַף — מאָמענטן פון אַקטיאָרן-לעבן, „טעאַטער-זכרונות״, (רעד. ז. זילבערצווייג), ווילנע, 1928, זז. 68-59.

גראָפּער, אײדאַ

[בריה]

געבוירן אין לעמבערג, גאַליציע. פאָטער — אַ קירזשנער. געלערנט אין אַ שול און יידיש ביי אַ רבי. געאַרבעט ביי אַ שניידערין. אין 1889 נעמט מען זי אַריין אין כאָר אין גימפּעלס טעאַטער. דערנאָך פאָרט זי מיט טרייטלער קיין בודאַפּעסט, וואו זי איז כאָריסטקע און באַקומט אויך צו שפּילן קליינע ראָלן. געקומען שפּעטער אין יאַסי, וואו זי באַקענט זיך אין יאָוועלירס טרופּע מיטן כאָר-דיריגענט יוסף גראָפּער, האָט זי מיט אים חתונה און פאָרט צוזאַמען מיט אים איבער רומעניע. דערנאָך אין בודאַפּעסט, אין בולגאַריע, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, 4 חדשים אַלס פּרימאַדאָנע ביי געלים אין פּאַריז, קומט צוריק אין בוקאַרעסט וואו זי איז 2 סעזאָנען כאָריסטקע אין רומענישן אָפּערע-טעאַטער, טרעט זי דערנאָך אַרויס אין רומענישע שאַנטאַנען און פאָרט אָפּ אין 1899 קיין אַמעריקע.

דאָ האָט ג. געשפּילט 2 סעזאָנען אין טאַליאַ-טעאַטער מיט קעסלער, מאָשקאָוויטש, פיינמאַן, קאַליש און מאָגולעסקאָ, אַ סעזאָן מיט קעסלער אין ליריק-טעאַטער און 2 סעזאָנען מיט אים אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער. 1922 — געשפּילט אַ האַלב יאָר אין ענגליש די ראָל „אסתר“ אין דער פּיעסע „דער אָקשאָנער“ מיט דייוויד וואָרפיעלד, דערנאָך שפּילט זי 2 סעזאָנען ביי געביל, אַ סעזאָן אין טאָראָנטאָ ביי האָלענדער, אַ יאָר אין ענגליש די ראָל „מיסעס קאָהן“ אין דער פּיעסע „אייבים איריש ראָוז“ מיט דער צווייטער ענגלישער פּראָווינץ-טרופּע, שפּעטער אַ סעזאָן אין מאָנטרעאַל ביי האָלענדער, דערנאָך אין ענגליש אין ניו-יאָרקער פּרינצעס-טעאַטער אין דער קאָמעדיע „וואַס איז די יוז?“ און 1926 — אַ האַלבען סעזאָן אין ליבערטי-טעאַטער ביי אַנשל שאָר.

ג.׳ס טאָכטער, לאָטי, — שפּילט אין ענגלישן וואָדעוויל.

מ. ע.

גראָפּער, יוסף

[געב. בערך 1866 — געשט. 13 דעצ. 1911]

געב. בערך 1866 אין פאַלטיטשען, רומעניע. פאָטער — אַ שניידער. געלערנט אין חדר, דערנאָך אין אַ שול און געזונגען ביים שטאָטישן חזן. שפּעטער אָנגעהויבן אַרומפאָרן מיט חזנים און אַזוי נאָך געקומען אין בוקאַרעסט, וואו ער האָט אין אָנהייב געהאַנדלט מיט ביכער, דערנאָך אַריינגעטראָטן אַלס כאָריסט צו סעגאַלעסקאָ און נאָכדעם געוואָרן כאָר-דיריגענט ביי יאָוועליר אין יאַסי. ג. האָט שפּעטער געשפּילט ליבהאָבער-ראָלן אין פאַרשיידענע טרופּעס איבער רומעניע און בולגאַריע, 6 חדשים אין בודאַפּעסט און אויך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

1899 — געקומען אין אַמעריקע און דאָ אַריינגעטראָטן אין ווינדזאָר-טעאַטער ביי הורוויץ אַלס קוואַרטעט-זינגער און ראָלן-שרייבער. פון דאָרט איבערגעגאַנגען אין פּיפּלס מוזיק-האָל (מענעדזשער שמוקלער און ליפשיץ) אַלס אַקטיאָר און רעזשיסער פון די פאָטפּורים און איינאַקטיקע סקעטשן, וועלכע ער אַליין פלעגט צונויפשטעלן. מיט דער צייט האָט ג. זיך איינגעשאַפט אַן אייגענע גאַרדעראָבע, וועלכע ער פלעגט אויסבאָרגן די יידישע וואָדעוויל-הייזער און טעאַטערס.

ג. פלעגט זאַמלען פּיעסן און נאָטן [די זאַמלונג געפינט זיך איצט ביי שלום פּערלמוטער] און פלעגט זיין דער ליפעראַנט פון אַמעריקאַנער רעפּערטואַר פאַרן יידישן טעאַטער אין אייראָפּע.

ג. האָט אויך דער ערשטער געזאַמלט אַ רשימה פון נעמען פון דער יידישער אַקטיאָרן-משפחה אין דער גאַנצער וועלט. די רשימה אַנטהאַלט איניקע הונדערט נעמען, איינגעטיילט אין באַזונדערע רובריקן פאַר אַקטיאָרן, אַקטריסעס, בינע-קינדער, מוזיקער און סופלערן [מיט וויציקע באַמערקונגען]. דער אַקטיאָר סידני האַרט האָט די רשימה אַביסל ממלא געווען און זי אָפּגעגעבן צום נוץ פאַר דער רעדאַקציע פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“.

דעם 13 דעצ. 1911 איז ג., נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט, געשטאָרבן אין ניו-יאָרק און איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן מאָונט היברו אין לאָנג איילאַנד, נ. י.

ג.׳ס טאָכטער, לאָטי, שפּילט אין ענגלישן וואָדעוויל.

מ. ע. פון זיין פרוי אײדאַ גראָפּער, זיין ברודער אברהם גראָפּער, שלום פּערלמוטער, איציקל גאָלדענבערג און סידני האַרט.

גרודבערג, בערל

געבוירן אין ביעלאַ צערקאָוו, [?] אוקראַאינע. געווען אַ בדחן, דערנאָך אַ פאָלקסזינגער, און בעת נפתלי גאָלדפאַדעזס טרופּע פאָרט אַרום איבער בעסאַראַביע, ווערט ג., צוזאַמען מיט הײנע-חיימאָוויטש און פישקינד, אַריינגענומען אין טרופּע. זיינע ערשטע אויפטריטן אויף דער בינע האָט ג. געמאַכט אין קעשעניעוו. דערנאָך האָט ג. אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער איז ווידער געוואָרן אַ בדחן.

מ. ע. פון אברהם פישקינד און י. בליפעלד.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ I. ז. 213.

יעקב פּ. אַדלער — „מיין לעבענס-געשיכטע“, „טעאַטער-זשורנאַל“, נ. י. 5, 1902.

יאַקאָב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „דיא וואַרהייט“, נ. י. 28 פעב. 1917.

גרודבערג, יצחק

[יצחק-בער טורקאָוו]

געב. 12 יאַנ. 1906 אין וואַרשע, פּוילן. ברודער פון זיגמונט און יאָנאַס טורקאָוו. געלערנט אין אַ חדר-מתוקן און ביי זיין ברודער זיגמונט. געענדיקט 2 קלאַסן פון קרינסקיס גימנאַזיע און 4 קלאַסן פון די מאַטורא-קורסן פון ראָזענפעלדס גימנאַזיע. געלערנט אין דער אַגראַר-שול פון טשענסטאָכאָוו און געאַרבעט אויף די חלוצים-פאַרמעס פון מנישעוו און גראָכאָוו. ווערנדיק אַריינגעצויגן אין דער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער אַרבעטער-באַוועגונג איז ג. איניקע מאָל סעקרעטאַר פון דער רעכטער פּועלי-ציון-יוגנט-אָרגאַניזאַציע און מיטרעדאַקטאָר פון זייער חודש-זשורנאַל „אַרבעטער-יוגנט“.

אין 1924 זיך באַטייליקט אין אַן עפּיזאָדן-ראָל פון פילם „תקיעת-כף“, געטאָן טעכניש-ליטעראַרישע אַרבעטן, און געווען טעכנישער רעדאַקטאָר פון „יידישע בינע“ (אָרגאַן פון אַרטיסטן-פאַריין). אין 1925 פאַרעפנטלעכט אין דער טעאַטער-אָפּטיילונג פון „ליטעראַרישע בלעטער“ אינטערוויוען און כאַראַקטעריסטיקס פון אַקטיאָרן, קורצע רעצענזיעס א. ד. ג. אין יוני 1925 אַריינגעטראָטן

אין דער וואַנדער-טרופּע פון זיגמונט טורקאָוו און אידאַ קאַמינסקאַ, אויפטרעטנדיק אין קאַליש אַלס „דער יונגער“ אין סאָפיאַ בעלאַיאַס פּיעסע „ווען דער טייוול לאַכט“, סוף 1925 אַריינגעטראָטן אין הערמאַנס סטודיע, און איבערגעגאַנגען אין „אַזאַזעל“, וועלכן ער פאַרלאָזט באַלד, און טרעט אַריין אין דער וואַנדער-טרופּע פון יאָנאַס טורקאָוו. צום ווינטער-סעזאָן 1926-7 ווערט ג. אַנגאַזשירט אין „וויקט“ און שפּילט אין וואַרשע און אין טורנעע איבער פּוילן. נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט מיט לידיאַ פּאָטאָצקאַ אין וואַרשע טרעט ג. אַריין אין „אַזאַזעל“ אַלס קאָנפעראַנסיע, און ווען די טרופּע צעפאַלט זיך, פאָרט ג. אין יאַנואַר 1928 קיין וולאָצלאַוועק, וואו ער ווערט רעזשיסער אין דער געזעלשאַפט „יידישע בינע“. דערנאָך טרעט ג. צוריק אַריין אין „אַזאַזעל“ און זומער פאָרט ער מיטן „וואַרש. ייד. אַרט. ווינקעלע“ אויף גאַסטראָלן קיין ווילנע-ביאַליסטאָק. 1928-9 שפּילט ג. אין דער טרופּע פון זיין ברודער זיגמונט און אידאַ קאַמינסקאַ.

ג. האָט אַחוץ איינינקע איבערזעצונגען פון ראָמאַנען, אויך אָפּגעדרוקט א״פ י. ב. ט. אין „היינט“ יאַנ. 1926 אין איינינקע המשכים אַ געקירצטע ביאָגראַפיע פון אסתר רחל קאַמינסקי.

ג. האָט פאַרפאַסט די 4-אַקטיקע דראַמע „דאָס גיהנום“ (געשפּילט דורך יאָנאַס טורקאָוו), באַאַרבעט לויט דימאָוום סוזשעט, „דער קרבן“, דראַמע אין 4 אַקטן (געשפּילט דורך „וויקט“), און איבערזעצט פאָלגנדיקע פּיעסן: „באַגינען, טאָג און נאַכט“ פון ניקאָדעם, „די גריל אויפן אויוון“ פון דיקענס, לויט יושקעוויטשעס סצעניזירונג, „די ראָמאַנטישע נאַכט“ פון באָכוויץ, (אויפגעפירט 1925 אין ווילנע דורך אידאַ קאַמינסקאַ), „מאָרפיום“ פון הערצער (געשפּילט דורך „וויקט“ אין וואַרשע), „די קינדער-טראַגעדיע“ פון קאַרל שענהער, „דאָס“ פון שענהער, „הינקעמאַן“ פון טאָלער, „וועלף“ פון ראָמען ראָלאַן (געשפּילט דורך „וויקט“ אין וואַרשע), „דאָס ראָד פון קרייד“ פון קלאַובונד, „פון פרימאָרגען ביז האַלבער נאַכט“ (געשפּילט אין 1927 אין קראָקעווער יידישן טעאַטער), „פּעג, מיין לעבן“, „טאָוואַרישטש“ פון לעאָנאַרד, „פּעריפעריע“ פון לאַנגער, „קראַנקהייט פון דער יוגנט“ פון בריקנער, און „תאוה“ פון אָיניעל (געשפּילט אין קאַמינסקי-טורקאָוו-טורנעע 1928).

ש. ע.

גראָשקאָוו, אברהם

[גראָשקאָווסקי]

געב. 12 סעפּט. 1892 אין לובני, פּאָלט. גוב., אוקראַאינע. פאָטער — פערד-סוחר. געלערנט אין חדר און געענדיקט אַ שטאָטישע שול. האָבנדיק אַ נייגונג צו מוזיק, לערנט ער קודם ביי די שטעטלדיקע כּלי-זמרים, דערנאָך פאָרט ער צו זיין שוועסטער אין וואַרשע, און ענדיקט דאָרט די קאָנסערוואַטאָריע אַלס קאַפּעלמייסטער.

אין קריגס-צייט ווערט ג., אַלס דעזערטיר, דיריגענט אין גוזיקס טרופּע, וועלכע שפּילט דעם יידישן אָפּערעטן-רעפּערטואַר אויף רוסיש. זייענדיק 3 יאָר מיט דער דאָזיקער טרופּע, שרייבט ג. פון צייט צו צייט אויך אָריגינעלע מוזיק. דערנאָך גייט ער איבער אין דער טרופּע פון סאַמויל גענפער אַלס דיריגענט, און שרייבט אויך דאָרט נומערן פאַר די אָפּערעטן. פון דאָרט טרעט ג. אַריין אין אַ חברים-טרופּע מיט וועלכער ער פאָרט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דאַן קיין פּאַריז, און דערנאָך שפּאַניע, וואו ג. שפּילט אין אַ רעסטאָראַן, דערנאָך וואַנ-

דערט ג. אויס קיין קובאַ, וואו ער דערנערט זיך פון שפּילן קלאַוויר.

אין 1922 האָט זיך ג. באַזעצט אין דעטראָיט, וואו ער איז פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער פאַר וועלכן ער האָט געשריבן פיל נומערן פאַר די אָפּערעטן, און די מוזיק צו יצחק לעשס אָפּערעטע „זיין יידיש מיידל“.

מ. ע.

גראָשקאָף, אַננאַ

געב. אין לאָנדאָן, ענגלאַנד. פאָטער — מוזיקאַנט אין יידישן טעאַטער. אַלס קינד געקומען אין אַמעריקע, און דאָ געענדיקט פּאָבליק- און האַי-סקול און באַקומען אַ מוזיקאַלישע בילדונג. ג.׳ס ערשטע פאַרבינדונג מיטן טעאַטער איז געווען אַלס אָרגאַניסטין אין מואַווי-הייזער און אין די יידישע און ענגלישע וואָדעוויל-הייזער.

אין 1924 האָט ג. דעביוטירט אַלס „ציגיינער מיידל“ פון לאַטיינער און רומשינסקי ביי אַנשעל שאָר אין פילאַדעלפיע, אין 1927-8 האָט זי געשפּילט אין שיקאַגאָ און אין 1928-9 אין ראָלאַנד-טעאַטער.

אַמפּלואַ — פּרימאַדאָנע.

ש. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנימער אויף אונזער בינע, „מאָז“ש“, נ. י. 5 אָקטאָבער 1928.

גרימינגער, אשר

געב. 20 סעפּט. 1892 אין לעמבערג, גאַליציע. עלטערן — סוחרים. געענדיקט אַ פאָלקס-שול. אין 1908 דעביוטירט מיט „ליבהאָבער“ אַלס „מאָטיע שטרייכל“ אין גאָרדינס „חאַסיע די יתומה“, און ביז 1917 געשפּילט מיט „ליבהאָבער“, דאַן אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס כאַראַקטער-קאָמיקער צו גימפּעלן אין לעמבערג, וואו ער שפּילט אַ ריי יאָרן. אין 1928 גאַסטראָלירט אין ווין.

ש. ע. פון מנחם דעסער.

גרין, אָסקאַר

געבוירן 10 יוני 1893 אין שקלאָוו, מאָהילעווער גוב., אוקראַאינע, אין אַ בעל-הביתישער פאַמיליע. באַקומען אַן עכט יידישע דערציאונג, און דערנאָך אויך באַזוכט וועלטלעכע שולן. שוין פון דער פריסטער יוגנט געפילט אַ נייגונג צו דער בינע, און געווען דער איניציאַטאָר פון אַ דראַמאַטישן ליבהאָבער-קרייז אין וועלכן ער האָט געשפּילט.

אין 1908 קומט ג. אין אַמעריקע, וואו ער פאַרנעמט זיך די ערשטע צייט מיט פאַרשיידענע פּרנסות, און שטעלט דערנאָך צוזאַמען פאַר דער פּראָווינץ טרופּעס אין וועלכע ער איז מענעדזשער, און שפּילט אויך

מיט. שפּעטער פירט ער ענגלישע סטאָק-קאָמפּאַניעס אין די מערב-שטעט פון אַמעריקע.

אין 1912 באַזעצט זיך ג. אין באָסטאָן, וואו ער ווערט דער מע-נעדזשער פון דאָרטיקן גרענד אָפּערע-הויז, און איז דאָרט 10 יאָר טעטיק ביים יידישן טעאַטער. 1922-8 איז ג. מענעדזשער פון האָפּ-קינסאָן טעאַטער אין ברוקלין, אין 1928-9 מיטדירעקטאָר פון באָס-טאָנער יידישן טעאַטער און אין 1929-30 — מיטדירעקטאָר אין ברוקלינער האָפּקינסאָן-טעאַטער.

ש. ע.

א. פרומקין — זאָגט, דער קריזיס איז ניט קיין אויסערליכער, נאָר אַ אינערליכער, „מאָזש", נ. י. 23 דעצ. 1927.

גרינבלאַט, איזידאָר

[געב. בערך 1879 — געשט. בערך 1923]

געבוירן בערך 1879 אין קאָלאָמעא, גאַליציע. פון פאַך געווען אַ שניידער, און נאָכן קומען אין אַמעריקע זיך געווידמעט דעם יידישן טעאַטער. צוליב די דאַמאָלטיקע זייער שווערע עקאָנאָ-מישע באַדינגונגען פון יידישן טעאַטער, פלעגט ג. גלייכצייטיק אַר-בעטן ביי זיין פאַך, און שפּילן טעאַטער.

ג. איז געווען איינער פון די גרינדער פון די יידישע וואָדעוויל-הייזער אין ניו-יאָרק, און פלעגט פון צייט צו צייט אַרומפאָרן מיט לאָנפעלדן איבער דער פּראָווינץ. אין וואָדעוויל פלעגט ג. שפּילן צו-זאַמען מיט זיין פרוי, וועלכע איז שפּעטער אַריבער צו דער ענגלי-שער בינע.

נאָך דעם וואָדעוויל-פּעריאָד איז ג. אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָ-ווינץ, און געגעבן די אַזוי גערופענע „כאַפּ-שפּילן".

ג. איז געווען אַ פּעאיקער כאַראַקטער-שוישפּילער. ליידנדיק אויף אַ מאָגן-קראַנקהייט איז ער בערך 1923 געשטאָרבן אין ניו יאָרק.

מ. ע. פון לואיס גילראָד און איזידאָר ליליען.

גרינבלאַט, הערש

געב. 30 דעצ. 1894 אין באַהוסלאַוו, קיעווער גוב., אוקראַינע. פאָטער — אַ שניידער. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדרים, ביז 15 יאָר געלערנט אַלגעמיינע למודים און געוואָרן אַ בוכהאַלטער. שפּעטער געקומען אין אַמערי-קע, דאָ דעביוטירט מיט דערציילונגען אין „דאָס אידישע פאָלק" און „טאָג", און 2 יאָר געווען פּאַבליסיטי-אַגענט אין יידישן קונסט-טעאַטער, דערנאָך 7 יאָר מיט-פאַרוואַלטער פון דאַזיקן טעאַטער, האָט פאַרוואַלטעט מיט דער טרופּע בעת איר אייראָפּעאישן טורנעע, 1 יאָר פאַרוואַלטער אין באָסטאָנער יידישן טעאַטער, אין 1928-9 מיט-פאַרוואַלטער אין יידישן פאָלקס-טעאַטער, ניו יאָרק און 1929-30 — פאַרוואַלטער פון „אַרטעף"-טעאַטער.

ג. האָט איבערזעצט לעניעלס פּיעסע „די טענצערין", אין וועל-כער דזשעני וואַליער איז צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן אויף דער יידישער בינע.

ש. ע.

גרינבערג, דוד

[זע זאַהיק דוד].

גרינבערג, חיים-בצלאל

געבוירן 1860 אין ווענגראָוו, שעדלעצער קרייז, פּוילן. ביז 15 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך 3 יאָר אין בית-המדרש. שוין יינגלווייז האָט ג. זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אָפּשפּעטער און אַ חוזק-מאַכער און מיט זיינע „שטיקלעך" געווען באַקאַנט אין שטעטל א"נ „חיים צאַלקע". צוליב רדיפות מצד די שטעטלדיקע בעלי-הבתים האָט ג. געמוזט פאַרלאָזן ווענגראָוו און איז אַוועק קיין וואַרשע, וואו ער איז אָנגעקומען צו „די בראָדער". שפּעטער זאָל ער זיין אַוועק קיין גאַליציע.

ג. האָט פאַרעפנטלעכט צוויי ביכלעך, וועלכע זיינען — לויט זלמן רייזען — „מוסטערן פון דער פאָלקס-סאַטירע, מיט אַ גוט-מוטיקן, גראָבלעכן הומאָר, געשריבן אין אַ זאַפטיקער עכטער פאָלקס-שפּראַך, מיט פאַרשווינען פון שטעטל אַלס העלדן, זיינען געווען בשעתם זייער פּאָפּולער ניט נאָר אין ווענגראָוו, נאָר אויך אין פּוילן".

ז. רייזען — „לעק. ייד. ליט. I, זז. 647-8.

גרינבערג, יוסף

געב. 23 אַפּריל 1900 אין לאָדזש, פּוילן, ביי פּאַרטגעשריטענע עלטערן, סוחרים.

געלערנט אין אַ חדר און אַ רעגירונגס-גימנאַזיע. באַזוכט אָפט די יידישע, פּוי-לישע און דייטשע טעאַטערס, און באַקומט אַ נייגונג צו דער בינע.

אין 1915 טרעט ער אַריין אין דער דראַ-מאַטישער שול פון דייטשן טעאַטער-דירעק-טאָר וואָלטער וואַסערמאַן, און אין 1916 הויבט ער אָן שפּילן אין זילבערצווייגס טרו-פּע, אַרויסטרעטנדיק צום ערשטן מאָל אַלס „פּרינץ" אין סקריבס „זשידאָווקאַ" און „זלמן" אין קאָבריןס „דאָרפסיונג".

דערנאָך שפּילט ער מיט אַנדערע ליבהאָבער-גרופּעס און טרעט אַריין אין 1917 אין וואַרשעווער טעאַטער „בצלאל", וועלכער פאַרמאַכט זיך באַלד.

אין 1918 פאָרט ער קיין דייטשלאַנד, דאָרט טרעפט ער זיך מיט וואַסערמאַנען און טרעט אַריין אין זיין דייטשער טרופּע, שפּילנ-דיק אַנדערהאַלבן יאָר אין בערלין. אין 1921 קומט אָן קיין בער-לין די „ווילנער טרופּע" אין וועלכער ג. טרעט אַריין און פאָרט מיט איר איבער דייטשלאַנד, האָלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך און ענגלאַנד, ביז ער קומט מיט איר אין 1924 קיין אַמעריקע. אין 1925 ווערט ער אַ מיטגליד פון „אונזער טעאַטער", אין 1926 שפּילט ער אַ יאָר מיט שילדקרויטן אין ניו-יאָרק, און דערנאָך פאָרט ער אַרויס קיין קאַליפאָרניע, וואו ער שפּילט קליינע ראָלן אין די פילם-אויפנאַמען און אָרגאַניזירט אויך אַליין אַ יידישע טרופּע.

אין 1927 שפּילט ער מיט אַ טייל פון דער „ווילנער טרופּע" איבער דער פּראָווינץ און אין 1928-30 אין יידישן קונסט-טעאַטער.

אמפּלואַ — דראַמאַטישער ליבהאָבער.

מ. ע.

גרינבערג, יעקב

[געב. בערך 1875 — געשט. 30 יולי 1923]

געב. בערך 1875 אין אָטיק, בעסאַראַביע. פאָטער — אַ תבואה־סוחר. געלערנט אין חדר און ישיבה. אין 1881 געקומען אין אַמעריקע, און געוואָרן אַ צושניידער ביי פוטער, און אין די אָוונטן מיטגעווירקט אין די ניו־יאָרקער יידישע דראַמאַטיק־קלאַבס.

אין 1902 האָט יוסף דזשייקאָבסאָן אים אַריינגענומען אין זיין טרופּע, וועלכע האָט געשפּילט אין סט. לואיס, דערנאָך אין שיקאַגאָ, און פון דאָרט איבער דער סביבה און קאַנאַדע.

ג. איז געווען אַ פאָטער־און כאַראַקטער־ראַליסט און אַ גוטער זינגער.

ג. האָט געליטן פון אַ צוקער־קראַנקהייט פון וועלכער ס'האָט זיך אַנטוויקלט ביי אים שווינדזוכט און אַ קרעבס. דעם 30טן יולי 1923 איז ג. געשטאָרבן אין מאָנטעפיאָרע־שפּיטאָל אין ניו־יאָרק, און געקומען צו זיין אייביקער רו אויפן בית־עולם פון דער יידישער טעאַטריקאַל־עליינס.

מ. ע. פון בעסי דזשייקאָבסאָן.

גרינבערג, סעמיועל

[שמחה]

געב. 15 אויגוסט 1863 אין אָדעס, אוקראַאינע. געענדיקט גימנאַזיע און געלערנט אַ יאָר אין אוניווערזיטעט. געשפּילט אַ קורצע צייט רוסיש מיט „ליבהאָבער". אין 1884 געקומען אין אַמעריקע, געעפנט אַ שאָפּ פון העמדער, און זיך ווייטער באַטייליקט אין רוסישע ליבהאָבער־פאָרשטעלונגען.

ג. האָט חתונה מיט זיין אַרבעטערין, די שפּעטערדיקע אַקטריסע פעני טאָמאַשעווסקי, אַ שוועסטער פון בארים, און ווערט אַן אַגענט פון פייער־פאַרזיכערונג. שפּעטער פאָרט ער קיין פילאַדעלפיע, וואו די גאַנצע טאָמאַשעווסקי־פאַמיליע הויבט אָן שפּילן אין דאָרטיקן טאַליאַ־טעאַטער און ג. ווערט אויך אַן אַקטיאָר, שפּילנדיק על פי רוב מיט אַדלערן. אין 1924 האָט זיך ג. צוריקגעצויגן פון דער בינע.

ש. ע. פון מאַניע עלגאַרד.

גרינבערג, פעני

[טאָמאַשעווסקי]

[געב... — געשט. 19 סעפּט. 1927]

שוועסטער פון בארים טאָמאַשעווסקי. האָט געאַרבעט אין אַ זייגער־מאַכער־שאָפּ אין לאָנג איילאַנד, דערנאָך אַלס אַרבעטאָרין אין אַ העמדער־שאָפּ פון סעמיועל גרינבערג מיט וועמען זי האָט חתונה, און פאָרט קיין פילאַדעלפיע, וואו זי טרעט אויף אין דאַמאָלטדיקן יידישן טעאַטער אויף קאַלע היטס סט. זייט דאַמאָלט שפּילט ג. ביז 1924 ווען זי ציט זיך צוריק פון דער בינע. דעם 19 סעפּט. 1927 איז ג. געשטאָרבן און געקומען צו איר אייביקער רו אין ניו־יאָרק.

ש. ע. פון מאַניע עלגאַרד.
חנן י. מיניקעס — „די אידישע ביהנע", (זייפערטס „טהעאַטער־געשיכטע").
בעסי טאָמאַשעווסקי—„מיין לעבענס־געשיכטע", נ. י., 1916, זז. 80, 138.

גרינבערג, צעזאַר

[בצלאל]

געב. 15 מערץ 1855 אין יאַסי, רומעניע, ביי עלטערן, וועלכע האָבן געהאַט אַ יאַטקע. געלערנט יידיש, דייטש און רומעניש, פאַרלאָזט צו 14 יאָר דאָס בית־מדרש און טרעט אין 1869 אַריין אַלס כאָריסט אין אַ דייטשער אָפּערעטע. אין פאַרלויף פון די יאָרן 1869־1873 איז ער באַטייליקט אין דייטשע, רומענישע און גריכישע טרופּעס, און אין 1873 הויבט ער אָן שפּילן און זינגען יידיש אין די ווייַן־קעלערס. אין 1875 געפינט ער זיך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און — ווי ער גיט איבער — פירט ער אויף דאָרט אויף יידיש אַ ביבלישע אָפּערעטע „יוסף מיט די ברידער", פאַרפאַסט [?] פון צוויי אָדעסער יונגעלייט. אין דער אָפּערעטע, וועלכע גייט פיר וואָכן, באַטייליקן זיך מיטן כאָר און באַלעט ביז 100 פערזאָן. פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל פאָרט ג. אַרום מיטן דאַזיקן שפּיל איבער טערקיי און רומעניע ביז ער קומט אין יאַסי. נאָכדעם ווי גאָלדפאַדען קומט אַהין און פירט אויף זיין פּיעסע „די באָבע מיטן אייניקעל", לאָזט זיך ג. אַרויס מיט דער דאַזיקער פּיעסע איבער דער פּראָווינץ, גרינדנדיק אַזוי אַרום די ערשטע יידישע וואַנדער־טרופּע.

זייט דאַמאָלט וואַנדערט ער ווידער איבער רומעניע און גאַליציע, ביז ער טרעט אַריין אין דער טרופּע פון הורוויץ, וועלכער ווערט שפּעטער זיין שוואָגער. די טרופּע שפּילט אין רומעניע, און נאָכדעם גייט ג. איבער אין גראָדנערס טרופּע אין גאַליציע.

פון יענער צייט אָן וואַנדערט ג. צוזאַמען מיט זיין פרוי שאַרלאָטאַ מיט פאַרשיידענע יידישע וואַנדער־טרופּעס איבער רומעניע, עסטרייך, גאַליציע, אונגאַרן, דייטשלאַנד און פראַנקרייך. אין לאָנדאָן דראַמאַטיזירט ער לילענבלומס „זרובבל", און פירט עס שפּעטער אויף מיט זיינע אייגענע לידער און מוזיק. דאָ פירט ער אויך אויף זיינע פּיעסן „דער ליגנער" און „שיבת ציון".

אין 1888 איז ג. געקומען אין אַמעריקע און דאָ באַטייליקט ער זיך אין זיין שוואָגערס טרופּע, און אויך אין אַנדערע טרופּעס, אַלס רעזשיסער און אַקטיאָר.

אין 1895 גרינדעט ער דעם „יוניייטעד היברו עקטאָרס פאָנד", אָבער די פאָרמעלע גרינדונג דערפון קומט פאָר ערשט דעם 21טן דעצעמבער 1899 ווען יוסף בעראַנדעס, אַלס דעלעגאַט פון די יידישע אַרבעטער־געווערקשאַפטן, פאַרוואַנדלט דעם „פאָנד" אין אַ „יידישע אַקטיאָרן־יוניאָן".

אין 1896 פאָרט ג. אָפּ קיין דרום־אַפריקע און פירט אויף אין יאָהאַניסבורג זיין איבערזעצונג פון זודערמאַנס „ערע" א״נ „די נאַאיווע זינדערין". וועלנדיק גרינדן אַ שטענדיק יידיש טעאַטער אין יאָהאַניסבורג, האָט ג. דאָרט אַרויסגעגעבן אויף יידיש און ענגליש אַ בראָשורע א״נ „ווי לאַנג וועט דער ייד אין גלות זיין?"

צוריקגעקומען אין אַמעריקע האָט ג. אויף דער סט. לואיסער אויסשטעלונג אין 1904 אויפגעפירט אַ ביבלישע אָפּערע, „שלמה המלך", פּרובנדיק גרינדן צו דעם צוועק אַ ספּעציעלע „ביבלישע היסטאָרישע אָפּערן־געזעלשאַפט", וועלכע האָט אפילו אַרויסגעגעבן אַקציעס צו 5 דאָלער.

אין 1904 גיט ג. ארוים צוויי גרויסע פאָטאָגראַפּיעס, וואָס אַנטהאַלטן צו 35 בילדער פון די ערשטע אַקטריסעס, אַקטיאָרן און דראַמאַטורגן. [די פאָטאָגראַפיעס האָבן אויף זיך נאָר אַן ענגלישע אויפשריפט „די ערשטע און צווייטע גענעראַציע פון די באַרימטסטע יידישע אַקטיאָרן און מחברים פון דער יידישער בינע אין אייראָפּע און אַמעריקע זייט איר גרינדונג“.]

אין 1906 גרינדעט ג. אין ניו־יאָרק אַ יידישע טעאַטער־שול, וועלכע עקסיסטירט 2 יאָר.

ג. האָט אויך פאַרפאַסט איייניקע פּיעסן און לידער, איינס פון זיי, „ישראל צווישן די פעלקער“ מיט זיין אייגענער מוזיק, איז פאַראַן געדרוקט.

ג. האָט זיך אויך באַטייליקט אין פילם „דער שמעלץ־טאָפּ“ פון ישראל זאַנגוויל.

דאָס לעצטע מאָל אויף דער בינע איז ג. אויפגעטראָטן אין דעצעמבער 1923 אין ב. וויערניקס דראַמע „לאָמיר מאַכן אַ פּשרה“ אין גרענד־טעאַטער אין ניו־יאָרק.

אין 1924 האָט ג. אַרויסגעגעבן אויף ענגליש און יידיש אַ בראָשורע א״נ „פאָלקס טעאַטער אונטערשטיצונגס־פאַראיין“, וואָס פּראָפּאַגאַנדירט די אידעע פון אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט אין דער פאָרם פון אַבאָנענטן אין אַ טעאַטער. „דער פּראָיעקט זעט פאָר די מעגלעכקייט צו גרינדן אַן אייגענע פאָלקס־בינע“. פון דעם פּלאַן איז גאָרניט געוואָרן.

אין 1925 האָט ג. פאַרפערטיקט אַן עלעקטרישן אַפּאַראַט, וואָס „דאַרף דורך פייער, וואַסער, דונער און בליץ אילוסטרירן די וואונדער פון אליהו הנביא ווי זיי ווערן דערציילט אין תנ״ך“.

ג. האָט אין כתב־יד אַ בוך זכרונות וועגן זיין טעטיגקייט אויף דער יידישער בינע, אַ דראַמע „די יידישע טאָכטער“, אַן אָפּערעטע „דער יידישער קאַרוזאָ“, אַ פּיעסע „דער חכם“ און אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע „גרענד סטריט באָים“.

זייט אייניקע יאָר האָט זיך ג., אַלס עמעריט פון דער יוניע, צוריקגעצויגן פון דער בינע.

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ — I ז. 198, 242, II, ז. 197.
"Jewish Theatrical News", New York, No. 4., 1925.

זלמן זילבערצווייג — איז דאָס יידישע טעאַטער געגרינדעט אין בערדיטשעוו, יאַסי אָדער גאָר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, „ליט. בלעט.“, 8, 1928.

ל. דושמאַן — איז דאָס יידישע טעאַטער געגרינדעט געוואָרן אין וואַרשע?, „ליט״בלט“, וואַרשע, 13, 1928.

גרינהויז, יהודה

געב. 5 מערץ 1891 אין ביאַליסטאָק, פּוילן. פאָטער — אַ בעל־תּפילה. די פּרנסה־געבערין איז די מוטער — אַ באַזיצערין פון אַ שניטקראָם. געלערנט אין חדרים, ישיבה און געענדיקט אַ 4־קלאַסיקע רוסישע פאָלקס־שול. נאָך אַלס קינד געזונגען ביי די חזנים משה באָס, שפּוליאַנסקי און ביי בערמאַנען אין כאָר־שול. שפּעטער ווערט ג. אַ מיטגליד אין דער דראַמאַטישער און מוזיקאַלישער סעקציע פון דער געזעלשאַפט „יידישע קונסט“, און אין 1910 טרעט ער אַריין אין בערנשטיינס טרופּע אַלס כאָריסט, און באַקומט אויך באַלד קליינע ראָלן. נאָכן אַרומוואַנדערן אַ יאָר מיט דער טרופּע, קערט ג. צוריק קיין ביאַליסטאָק, וואו ער באַטייליקט זיך אין צמחס העברעאישע פאָרשטעלונגען און פאָרט דערנאָך מיט צמחס העברעאישער טרופּע קיין ווין און אי-

בער פאַרשיידענע שטעט פון פּוילן. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין ביאַליסטאָק איז ג. געוועזן רעזשיסער און לייטער פון אַ טרופּע יונגע אַקטיאָרן, און דערנאָך געווען צוזאַמען מיט מאיר שוואַרץ דירעקטאָר פון אַ טרופּע ביז 1918. זייט דאַמאָלט זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע יידישע טרופּעס, וועלכע שפּילן אין ביאַליסטאָק.

ש. ע.

גרינפעלד, דזשין

[יעקב]

געב. 6 פעב. 1876 אין יאַסי, רומעניע. עלטערן — סוחרים. געענדיקט 4 קלאַסן גימנאַזיע.

דעם 24 יוני 1892 איז ער אַוועק פון דער היים מיט אַ טרופּע אַקטיאָרן אונטער דער דירעקציע פון א. ראָזענבלום, וואו ער האָט אָנגעהויבן שפּילן קליינע ראָלן. נאָכן שפּילן 2 יאָר טעאַטער, ווערט ער אַ מיטגליד אין אַ וואָדעוויל־טרופּע. פון דאָרט גייט ער אַריבער אין ראָזענבערגס טרופּע, אין וועלכער ער איז דער איינציקער, וואָס קען גוט לייענען יידיש, און דעריבער ווערט ער דער סופלער פון דער טרופּע. אַזוי אַרום ווערט ער מיט דער צייט אויס אַקטיאָר און בלייבט שוין אַ סופלער.

ג. פאָרט אַרום מיט פאַרשיידענע טרופּעס איבער אייראָפּע און אין 1902 קומט ער אין אַמעריקע. דאָ טרעט ער אַריין אין דער אַקטיאָרן־יוניע אַלס פינאַנס־סעקרעטאַר און מענעדזשער, און 8 מאָל ווערט ער געוויילט אַלס פּרעזידענט פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע אין אַמעריקע, דערביי 6 מאָל כּסדר.

זייט סעפּטעמבער 1926 איז ג. מענעדזשער פון נייִשאַנאַל־טעאַטער אין ניו־יאָרק, און פאַרבלייבט גלייכצייטיק דער פּרעזידענט פון דער אַקטיאָרן־יוניע.

ג. איז 5 יאָר געווען וויצע־פּרעזידענט פון „אַסאָשיאייטעד עקטאָרס ענד אַרטיסטס אָף אַמעריקאַ“, און איינער פון די גרינדער פון טעאַטריקל עליינס.

ג. איז דער מאַן פון ראָזאַ גרינפעלד, די טאָכטער פון פאַרשטאָרבענעם דירעקטאָר און אַקטיאָר טרייטלער.

ג. איז געווען אַ מיטגליד אין פאַרלאַג־ און רעדאַקציע־קאָלעגיום פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“.

ש. ע.

גרינפעלד, ראָזאַ

[טרייטלער]

געב. אין סטאַניסלאַוואָ, מזרח־גאַליציע, אַלס טאָכטער פון יידישן טעאַטער־דירעקטאָר טרייטלער. אין עלטער פון 5 יאָר האָט ג. אָנגעהויבן שפּילן קינדער־ראָלן אין איר פאָטערס טרופּע. אין עלטער פון 14 יאָר שפּילט זי שוין ראָלן פון דערוואַקסענע, און וואַנדערט צוזאַמען מיט איר פאָטער איבער רומעניע, עסטרייך, רוסלאַנד, אונגאַרן און ענגלאַנד, ביז זי איז אין 1902 צוזאַמען מיט איר גאַנצער אַרטיסטן־משפּחה געקומען קיין אַמעריקע.

דאָ האָט ג. די ערשטע צייט געשפּילט אין וואָדעוויל, ערשט אין 1914 איז זי אַריינגעטראָטן אין ניישאָנאַל־טעאַטער צו טאָמאַשעווסקין, וואו זי האָט געשפּילט 6 סעזאָנען, 1920-30 שפּילט זי אין סעקאָנד־עווענין־טעאַטער.

ג. איז פאַרהייראַט מיט דזש. גרינפעלד, פּרעזידענט פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע.

מ. ע.

אוריאל מזיק — בילדער־גאַלעריע פון אונזערע אידישע שוישפּילער, „דער טאָג“, נ. י., 23 מערץ 1918.

גרינשפּאַן, חיים

[געב. 1889 — געשט. 1908]

געבוירן 1889 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַ האַנטווערקער. באַקומען מיטעלע בילדונג. אין עלטער פון 13 יאָר געוואָרן אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער, דערנאָך אַ פריזירער. צו 17 יאָר אָנגעקומען אין לאָדזש אין קאָמפּאַנעיעצס טרופּע. באַלד אַרויסגעוויזן פעאיגקייטן אַלס פאַרשטענדיקער אַקטיאָר, און ווערט דעריבער אַ געוואונשטער מיטגליד אין די טרופּעס פון גענפער, מייערסאָן, אסתר רחל קאַמינסקי, סעם אַדלער, אַדלער־ספּיוואַקאָווסקי, א. א., וואו ער שפּילט פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן.

אין 1908 איז ג. געשטאָרבן אין מאָהילעוו־פּאָדאָלסק.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

דאָבּרושין, יחזקאל

געבוירן 1883 אין דאָרף מוטין, קראָלעווצער באַצירק, טשערניגאָווער גוב., אוקראַינע. פאָטער — אַ פאַרמעגלעכער וואַלד־סוחר. געלערנט אין דער היים ביי מלמדים ש״ס און פּוסקים, גלייכצייטיק אויך העברעאיש און רוסיש. 1902 — אַוועק קיין פּאַריז, וואו ער האָט שטודירט אין דער רוסישער העכערער שול, דערנאָך אין דער סאָרבאָנע און געווען פאָרזיצער פון דער פּאַריזער ס״ס־אָרגאַניזאַציע. אייניקע יאָר געלעגן קראַנק, דערנאָך דאָס רוב פאַרבראַכט אין קרים. 1916 — געקומען אין קיעוו, געווען (1917) אַ מיטגרינדער פון דער „קולטור־ליגע“ און געלייענט סיסטעמאַטישע לעקציעס וועגן יידישער ליטעראַטור, שפּעטער זיך באַזעצט אין מאָסקווע, וואו ער איז טעטיק אין די יידישע קולטור־אַנשטאַלטן.

ד. האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין העברעאיש אין „הצפירה“ און אין יידיש אין צייטליכס „דאָס אידישע וואָכענבלאַט“ און איז געווען באַזונדער טעטיק אויפן געביט פון ליטעראַרישער קריטיק. שפּעטער האָט ד. גענומען אַ נאָענטן אַנטייל אין דער אַרבעט פון דעם יידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע.

אין 1914 איז דערשינען ד.׳ס דראַמע „ווען געפיהלען וואַכען“ [פ״ג „רעפּערטואַר“, ווילנע, 1914, זז. 22, 16°], אין 1916, אין פּעטערבורגער קלעצקין־פאַרלאַג, זיין קינדער־פּיעסע „אין גאָרטן“ (2־טע אויפלאַגע אין „קיעווער פאַרלאַג“, 1918) און אין 1918 די קינדער־פּיעסע (געשריבן צוזאַמען מיט דוד האָפשטיין) „אַ מעשה מיט אַ חלום“ („קיעווער פאַרלאַג“). אויך זיין בוך „בענקענדע נשמות“ אַנטהאַלט אייניקע איינאַקטערס.

אין 1922 איז דערשינען אין פ׳ג פון יוגנט צ״ב פון די יידסעקציעס ד.׳ס „גאָט דער פייער, אַ יוגנט־פּלאַקאַט אין 3 בילדער“.

אין צווייטן באַנד פון מינסקער „צייטשריפט“ איז דערשינען ד.׳ס „שלום עליכמם דראַמאַטורגיע — אַ פּרווו פון אַ פאַרויספאָרשונג“, וועלכע איז אויך אַרויס אין אַ סעפּעראַטן אָפּדרוק [20 ז. 8°].

אין 1927 איז אין „צענטראַלער פעלקער־פאַרלאַג פון פ. ס. ס. ר.“ דערשינען ד.׳ס אינסצענירונג „יונגוואַרג“ [מיט מוזיק פון ל. פּולווער, 30 8. 16°] און אין „צענטראַל פאַרלאַג־כאַרקאָוו“ זיין „פּריידעלע, קינדער־פּיעסע אין דריי אַקטן“ [30 ז. 32°].

אין 1928 האָט דער פאַרלאַג „שול און בוך“, מאָסקווע, אַרויסגעגעבן ד.׳ס „אַרום אַ ביידל“ (אַגראָ־פּיעסע אין 2 בילדער) [54 ז. 32°].

דעם 24-25 אַפּריל 1929 איז אין ניו־יאָרקער „פרייהייט“ געווען געדרוקט ד.׳ס „דער פאַרשטערטער פּסח, אַנטי־פּסח שפּאַס אין דריי בילדער“ [אילוסטרירט פון יאָסל קאָטלער].

דעם 2 דעצעמבער 1922 איז דורך „מימט“ (מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער) אויפגעפירט געוואָרן ד.׳ס און מ. ליטוואַקאָווס באַאַרבעטונג פון גאָלדפאַדענס „די כשוף־מאַכערין“ און דעם 28 מערץ 1924 די פּאַראָדיע „דריי פּינטעלעך ייד“, געשריבן פון ד., א. גראַנאָווסקי און נ. אויסלענדער.

דעם 17 יאַנואַר 1926 האָט „מימט“ אויפגעפירט „דאָס צענטע געבאָט, אָפּערעטע־פּאַמפלעט, לויט אברהם גאָלדפאַדען פון י. דאָברושין“. דעם 20 אַפּריל 1927 איז דורך „מימט“ אויפגעפירט געוואָרן „מסעות בנימין השלישי, עפּאָפּעא אין 3 אַקטן, 8 בילדער, נאָך מענדעלע מוכר ספרים, באַאַרבעט און לידער פון י. דאָברושין“, דעם 11 אָקטאָבער 1929 איז אין „מימט“ אויפגעפירט געוואָרן ד.׳ס פּיעסע „דער געריכט גייט“ (רעזשי — פ. קאָווערין, קינסטל. אויסשטאַטונג — ראַבינאָוויטש, מוזיק — ל. פּולווער).

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, I, זז. 655-658.

מ. ליטוואַקאָוו — „פינף יאָר מלוכישער אידישער קאַמער־טעאַטער“, מאָסקווע, 1924.

י. לובאָמירסקי — „דער רעוואָלוציאָנערער טעאַטער“, מאָסקווע, 1926.

“Das Moskauer Jüdische Akademische Theater”, Berlin, 1928.

דאַווידאָוו, דוד

[ראַציק]

געב. 10 מאַי 1890 אין לאָדזש, פּוילן. פאָטער האָט געהאַט סמיכה. געלערנט אין חדר, און אין עלטער פון 9 יאָר געפאָרן צו זיינע עלטערע ברידער אין בערלין. דאָרט געלערנט אין אַ שול. שפּעטער געאַרבעט אַ יאָר אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט און אַזוי ווי ער באַזיצט אַ שיינע שטים, טרעט ער אַריין אין לייפּציקער קאָנסערוואַטאָריע, וועלכע ער ענדיקט אין 1913.

אין דער זעלבער צייט שטודירט ער אין דער דראַמאַטישער שול פון פּראָפ. מאַריאַן אונטער דער ליטונג פון פּראָפט, רעזשיסער פון לייפּציקער שטאָט־טעאַטער, שפּילנדיק פון צייט צו צייט דייטש אין דער פּראָווינץ אונטער דער דירעקציע צימערמאַן.

פון בערלין פאָרט ד. קיין לאָנדאָן, וואו ער שפּילט יידיש אין וואַנדערלענד־טעאַטער, דערנאָך אין ליריק־טעאַטער אונטער דער

דירעקציע בלומענטאַל, שפּעטער צוזאַמען מיט מאָריס מאַשקאָוויטש אין פּאַוויליאָן־טעאַטער.

אַלס פּויליש־רוסישער בירגער איז ער אין מלחמה־צייט געצוואונגען אויסצוואַנדערן קיין רוסלאַנד און באַטייליקט זיך אין קיעווער אַרטיסטן־צוזאַמענפאָר. פון דאָרט וואַנדערט ער אַרום מיט די בלייכמאַנס איבער סיביר, יאַפּאַן, כינע, אינדיע און עגיפּטן, שפּילנדיק אומעטום יידיש טעאַטער. פון עגיפּטן וואַנדערט ער צופוס קיין ארץ־ישראל, וואו ער קומט אָן אין 1919 און דאָ לייגט ער דעם יסוד פאַר אַ פּראָפעסיאָנעל העברעאיש טעאַטער, אין וועלכן ער ווערט פאַר אַ לענגערער צייט רעזשיסער. פון 1927 שפּילט ער אין פאַרשיידענע העברעאישע טרופּעס.

מ. ע.

שאול ראסקין — טעאַטער אין ארץ ישראל, „אונזער טעאַטער“, נ. י., 2־3, 1921.

ז. כספּי — דאָס העברעאישע טעאַטער אין ארץ־ישראל, „אַלטנײַלאַנד“, וואַרשע, 12, 1925.

דאַיען — דאָבראָווינסקאַ, חנה

געבוירן אין קרעמענטשוג, אוקראַאינע. פאָטער — סוחר אין נאָווא וואָראָנצאָווקאַ, כערסאָנער גוב., וואוהין די פאַמיליע האָט זיך אַריבערגעטראָגן און וואו ד. האָט געוואוינט ביז 1909. דאָרט האָט זי געענדיקט אַ פּריוואַט שול, פּלעגט נאָכזינגען די לידלעך, וועלכע זי האָט געהערט אין אוקראַאינישן טעאַטער, און אָנגעהויבן שפּילן מיט „ליבהאָבער“. דערנאָך אַוועק קיין כערסאָן, און ניט געקוקט אויף דער התנגדות פון פאָטער, טרעט זי אַריין אין אַ מוזיק־שול און פאָרט שפּעטער קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, וואו זי טרעט אַריין אין דער הירשביין־טרופּע.

אין דער מלחמה־צייט שפּילט ד. עפּיזאָדן־ראָלן ביי פישזאָן און קאָמפּאָנעיעץ און זינגט אויך אין כאָר. נאָך 3 חדשים גייט זי איבער אויף דראַמאַטישע ראָלן צו סאַקאַלאָוו, שפּילט אַ יאָר אין ווילנע, דערנאָך דאָרט אונטער ליפּאָווסקיס דירעקציע, און וואַנדערט אויס קיין אוקראַאינע, וואו זי לעבט איבער די פּאָגראָמען, און טרעט אַריין אין כאַרקאָווער „אונזער ווינקל“. דערנאָך שפּילט זי מיט זאַסלאַווסקי ביז זי פאָרט קיין אַמעריקע, וואו זי שפּילט צו סעזאָנען אין באַפאַלאָ און אין מינעאַפּאָליס און באַטייליקט זיך אין רוסישע פאָרשטעלונגען אין ניו־יאָרק. אין 1928 שפּילט ד. אַ קורצע צייט אין נו־אַרק ביי עלווינגן, און דערנאָך פון צייט צו צייט אין ניו־יאָרק.

מ. ע.

דאַיען, סעם

געבוירן 1862 אין אָדעס, אוקראַאינע. פאָטער אַן איינבינדער. געלערנט אין חדר און אין דער רעגירונגס־שול, געזונגען ביי אַ חזן. אין 1890 געקומען אין לאָנדאָן, וואו ער ווערט דורך זיין שוואָגער י. קאַצמאַן אַריינגענומען אין דער דאָרטיקער יידישער טרופּע, דעביוטירנדיק אלס „יואב הגדעוני“ אין „שולמית“. שפּעטער געשפּילט פאָטער־ראָלן. פון לאָנדאָן איז ד. געפאָרן קיין דרום־אַפריקע, וואו ער האָט צוזאַמען מיט יעקב ראָזענפעלד אָרגאַניזירט איינציקע יידישע ליבהאָבער־פאָרשטעלונגען און דערנאָך געבראַכט קיין דרום־אַפריקע זיין שוואָגער און די אַקטיאָרן אסתר און סאַאול וואַלערשטיין מיט וועלכע ס'איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן די ערשטע יידישע טרופּע אין דרום־אַפריקע.

ד. באַטייליקט זיך פון צייט צו צייט אין די פאָרשטעלונגען פון די יידישע טרופּעס, וועלכע גאַסטראָלירן אין דרום־אַפריקע.

ש. ע. פון יעקב קאַצמאַן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II, ז. 197.

דאַיען, שרה

געבוירן 13 אַפּריל 1864 אין אָדעס, אוקראַאינע. פאָטער — אַן איינבינדער. געלערנט אין דער רעגירונגס־שול. באַזיצנדיק אַ שיינע שטים טרעט ד. אַריין אין כאָר צו גאָלדפאַדען, פון דאָרט נעמט זי קאַצמאַן אַריבער אין דער טרופּע פון נפתלי גאָלדפאַדען, און נאָכדעם ווי זי האָט חתונה מיט קאַצמאַן מאַכט זי מיט דעם זעלבן עטאַפּ וואָס איר מאַן, אחוץ זיין טורנע אין דרום־אַפריקע.

ד. איז געווען אַ פּרימאַדאָנע, און האָט געשפּילט דראַמאַטישע ראָלן מיט אַדלערן. מיט 25 יאָר צוריק האָט ד. זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע.

מ. ע. פון יעקב קאַצמאַן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ I, ז. 213.

דאָלינגער, לאה

געווען אַ מיטגליד אין פאַריין „ציון“ אין ווין, און זיך באַטייליקט אין דער דראַמאַטישער סעקציע ביים דאָזיקן פאַריין, געענדיקט אין 1920 די יידישע דראַמאַטישע שול ביי דער „פרייע פאָלקס־בינע“, דערנאָך זיך באַטייליקט אין די ערשטע פאָרשטעלונגען פון דער „פרייע יידישע פאָלקס־בינע“ אין ווין, דאַן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקאַ און זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע.

מ. ע. פון בן־ציון סיגאַל.

דאָליצקי, מנחם־מענדל

געבוירן 13 מערץ 1858 (לויט אַ באַמערקונג אין רייזענס „לעקסיקאָן“ — 1856) אין ביאַליסטאָק, פּוילן. פאָטער — אַ שוחט. דורכגעמאַכט די שטאָטישע שול פון זאַמענהאָף. ביז 17 יאָר געלערנט למודי־קודש און נאָך דער חתונה, זיצנדיק ביים שווער אויף קעסט, ווייטער געלערנט און זיך פיל אָפּגעגעבן מיט דער השכלה־ליטעראַטור. צו 19 יאָר אָנגעהויבן שרייבן העברעאיש. פאַרבראַכט אַ קורצע צייט אין אויסלאַנד, דערנאָך אַרומגעוואַנדערט איבער רוסלאַנד וואו ער איז געווען פּאָפּולער מיט זיינע העברעאישע שירים און דערציילונגען.

1892 — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער איז געוואָרן טעטיק אין דער יידישער און העברעאישער פּרעסע. דאָ איז אין 1907 אויפגעפירט געוואָרן זיין פּיעסע „די חרטה“.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 65־661.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ (רשימה פון פּיעסען).

דאַלסקאַ, בעטי

[בראַצלאַווסקאַ]

געב. אין אָדעס, אוקראַאינע, ביי פאַרמעג־לעכע עלטערן. געענדיקט די מאַרינער גימ־נאַזיע און דערנאָך די דראַמאַטישע שול פון דאַלינאָוו. די ערשטע טריט אויף דער בי־נע געמאַכט אין רוסישן טעאַטער אין אָדע־סער „נאַראָדני דאָם". אין 1907, אונטער דער השפּעה פון איר מאַן וואָלף זילבערבערג, אַריבערגעגאַנגען צו דער יידישער בינע. אין 1908 געווען איינע פון די ערשטע מיטגלי־דער פון „הירשביין־טרופּע", דערנאָך גע־שפּילט אייניקע יאָר אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער, אין קריגס־צייט געווען באַטייליקט אין כאַרקאָווער „אונזער ווינקל", און דערנאָך אין דער „ווילנער טרופּע".

אַמפּלואַ — דראַמאַטיסטין.

ש. ע. פון וואָלף זילבערבערג.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." II. ז. 195.

דאַניעל, יצחק

געבוירן 12 נאָוועמבער 1895 אין רושטשוק, בולגאַריע. פאָטער — אַ סוחר, האָט געשריבן און אַליין געשפּילט אַלס „ליבהאָבער" אין זיינע פּיעסן אויף שפּאַניאָליש (לאַדינאָ). דורך די פּראָבן, וועלכע פלעגן פאָרקומען ביי זיי אין שטוב, איז ד. אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ טעאַטער־אַטמאָספערע און אין דער פריסטער יוגנט גרינדעט ער אַן אייגענע „טרו־פּע" פאַר וועלכער ער שרייבט פּיעסן, רעזשי־סירט, שפּילט און פאַרקויפט אַליין די בילעטן.
נאָכן ענדיקן גימנאַזיע אַריינגעטראָטן אין פילאָזאָפישן פאַקול־טעט פון בערלינער אוניווערזיטעט און גלייכצייטיק שטודירט שוי־שפּיל־קונסט און רעזשי אין דער ריינהאַרדט־שול. נאָך דער וועלט־מלחמה אַבסאָלווירט אין ווין די „שטאַטסאַקאַדעמיע פיר מוזיק אונד דאַרשטעלענדער קונסט" ווי אויך פילאָזאָפיע.

צוריקגעקומען אין בולגאַריע איז ד. געוואָרן רעזשיסער אין מלוכה־טעאַטער אין סאָפיע, וואו ער האָט אויך געגרינדעט אַ סטודיע און אין 1924 אַריינגעטראָטן אין רומעניע אין דער „ווילנער טרופּע", וואו ער איז געווען אַ יאָר רעזשיסער און אויפגעפירט פּינסקיס „דוד און זיינע ווייבער" און מאָליערס „זשאָרזש דאַנדען". שפּע־טער אַריבער אַלס רעזשיסער אין פאַרשיידענע רומענישע טרופּעס און אין 1926 זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל, וואו ער איז געווען רעזשיסער פון תיאטרון אמנותי, פון דער העברעאישער אָפּערע און דערנאָך געגרינדעט די קליינקונסט־בינע „המטאטא" („דער בע־זים").

ש. ע.

דאַנציס, מרדכי

געב. 18 אַפּריל 1887 אין מעזשירעוו, פּאָ־דאָליע. שטאַמט אָפּ פון דער ריזשינער די־נאַסטיע. דערצויגן געוואָרן אין שטעטל זוואָ־ניץ, וואוהין זיינע עלטערן האָבן זיך אַרי־בערגעטראָגן. דאָרט געלערנט אין תלמוד־תורה און בית־מדרש, שפּעטער געענדיקט די לערער־קורסן פון דער „חברה מפיצי השכלה" אין אָדעס. ד. האָט אין 1904 דעביוטירט מיט אייניקע סקיצן אין גאַליציש־יידישע צייטשריפטן. אין 1905 — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער ווידמעט זיך צו דער יידישער זשורנאַליס־טיק. באַגייסטערט פון אַדלערן, זעצט ד. פאַר אים איבער (אַנאָ־נים) אָסטראָווסקיס אַ דראַמע. ד. האָט רעדאַקטירט אַנאָנים דר. גאָלדנקנאָפּס „דער טהעאַטער שפּיגעל", וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט פיל אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער, און האָט זיך ענערגיש באַ־טייליקט אין 1908-9 אין דעם פּרעסע־קאַמף פאַר דער יונגער יידישער דראַמאַטורגיע. ד. איז געווען מיטרעדאַקטאָר פון טאָמאַשעווסקיס „טעאַטער־זשורנאַל", און האָט פאַרעפנטלעכט אייניקע איינאַקטערס אין „פאָרווערטס".

מ. ע.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I. זז. 669-70.

דאָקטאָר, רובין

[ראובן]

געבוירן 1882 אין יעדיניעץ, בעסאַראַביע. פאָטער — בעל־טאַקסע. ביז 14 יאָר גע־לערנט אין חדר. דערנאָך געפאָרן צו אַ פע־טער אין ענגלאַנד, וואו ער איז געוואָרן אַ משורר און שפּעטער מיט די דאָרטיקע אַק־טיאָרן (עמנואל און יוסף טשיזשיק, דזש. פיינבערג, דזשעני קייזער, י. גאָלדשמידט, קעמפנער און זאַקס) געשפּילט אייניקע יאָר יידיש טעאַטער אין האָלס, דעביוטירנדיק אַלס „מאַרקוס" אין גאָלדפאַדענס „די כשופ־מאַכערין". דערנאָך געשפּילט יידיש וואָדעוויל אין וואָנדערלענד אין ווייטשעפּעל און אין פּרינצעס מיוזיק־האָל.

בערך 1908 איז ד. געקומען אין אַמעריקע, וואו ער שפּילט זייט דאַמאָלט אין פאַרשיידענע וואָדעוויל־טרופּעס. ד. האָט זיך ספּעציאַ־ליזירט אין שרייבן „ליריקס", פון וועלכע 86 זיינען אָפּגעדרוקט גע־וואָרן אין פאַרשיידענע פאַרלאַגן און 55 זיינען פון ד. אָדער פון אַנדערע זינגער אַריינגעזונגען געוואָרן אין גראַמאַפאָן.

ד.'ס פּאָפּולערסטע לידער זיינען: „מיסטער ביי וואָס אַרבעט איר?", „איך בענק נאָך מיין שטעטעלע", „אוי, אוי, די ווייבער", „איך בין אַ באָרדער ביי מיין ווייב".

ש. ע.

דאָקטאָראָוו, ב.

[געב. . . — געשט. זומער 1918]

געבוירן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אוקראַאינע. פון פּראָפעסיע אַ בלעכער, אַלס „ליבהאָבער" געשפּילט אין אָרטיקע דראַמאַטישע קרייזן, דערנאָך געוואָרן אַ כאָריסט און זיין קאַריערע אַלס אַקטיאָר אָנגעהויבן ביי פּישזאָנען, וואו ער האָט געשפּילט בערך 4 יאָר.

אַלס אינטעליגענט איז אים געווען שווער זיך צוצופּאַסן צו דער סביבה אין וועלכער דאָס יידישע טעאַטער האָט זיך געפונען אין רוסלאַנד אין 1897, ווען ד. איז אָנגעקומען אויף דער יידישער בינע. די שטענדיקע אומצופרידנקייט און די רדיפות אויפן טעאַטער, דאָס וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט מיט אַקס און צופוס און גאַנץ אָפט דאָס הונגערן דערביי, האָבן זיך אָפּגערופן אויף ד.'ס געזונט-צושטאַנד, און אין 1905-6, ווען דאָס יידישע טעאַטער אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן פרייער אַנטוויקלען, און ד.'ן האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט אין רעפּערטואַר פון גאָרדין, קאָברין, ליבין, פּינסקי א. א., האָט שווינדזוכט אָפּגעריסן ד. פון דער בינע.

פון דאַמאָלט אָן פּרובט ער צייטנווייז ווידער שפּילן, אָבער אָן שום מיטלען זיך צו היילן, ווערט ער כסדר געשטערט אין שפּילן.

זייט 1915 האָט ד. זיך געפונען ביי זיין פאַמיליע אין אַ דאָרף נעבן יעקאַטערינאָסלאַוו, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע טעג ווייט פון דער בינע, פאַרגעסן פון זיינע געוועזענע חברים-אַקטיאָרן און איז דאָרט אָנהייב זומער 1918 געשטאָרבן.

ב. דאָקטאָראָוו (נעקראָלאָג), „דער אידישער אַרטיסט", כאַרקאָוו, 1, 1918.

דאָרעלין, וואָלף

[אייזנשטיין]

געבוירן 1898 אין סאַווראַן, פּאָד. גוב., אוקראַאינע, ביי אָרטאָדאָקסישע עלטערן, וועלכע האָבן אין 1910 אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר און זייט זיין קומען אין אַרגענטינע, אַליין פאָרטגעזעצט זיין בילדונג.

זעענדיק שפּילן מאָשקאָוויטש, דערוועקט זיך ביי ד. אַ שטאַרקער ווילן צו דער בינע. ד. ווערט אַ דעקלאַמאַטאָר אויף אַרבעטער-קאָנצערטן, דערנאָך באַטייליקט ער זיך אין דער גרינדונג פון ליבהאָבער-קרייזן, וועלכע פירן אויף דעם בעסערן יידישן רעפּערטואַר.

מערץ 1923 טרעט ד. אַריין אַלס פּראָפעסיאָנעלער שוישפּילער אין טעאַטער אָלימפּיא, דעביוטירנדיק אין ציפּקוסעס פּיעסע „משהס תורה". שפּעטער האָט ד. די געלעגנהייט צו שפּילן „אַרמאַנד" אין „קאַמעליענדאַמע" און „ריימאָנד" אין „מאַדאַם איקס" מיט דער גאַסטראָלירנדיקער לאָבל.

אויף אַ קורצער צייט ציט זיך ד. צוריק פון פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער און ערשט אין 1925 באַטייליקט ער זיך אין „פאָלקסטעאַטער" א"ל פון זאַסלאַווסקי, דערנאָך אין אַ טורנע איבער דער פּראָווינץ. 1926-1927 — אין טעאַטער עקסעלסיאָר (דיר. מאָריס אקסעלראַד), 1927-8 — אין זעלבן טעאַטער — דיר. נוגער-סיליוויאַ.

ש. ע.

דאָרף, אייב

געבוירן 11 יוני 1894 אין מאָשטשיסק, מזרח-גאַליציע. פאָטער — באַזיצער פון אַ טראַפיק. געלערנט אין חדר און אין שול. אין 1905 געקומען צוזאַמען מיט די עלטערן אין אַמעריקע, געלערנט אין סקול, און צו 15 יאָר געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ סטאָר.

באַזוכנדיק דאָס יידישע טעאַטער, באַקומט ער אַ חשק צו דער בינע און טרעט אַריין אין אַ דראַמאַטיק-קלאָב, וואָס פירט אויף איינאַקטערס. דערנאָך שפּילט ד. אַ יאָר צייט מיט אַקטיאָרן אין דער סביבה פון ניו יאָרק, דאַן ווערט ער אַנגאַזשירט אין אַ דעטראָיטער טרופּע, וועלכע עקזיסטירט נאָר אַ קורצע צייט, און נאָכן שפּילן איבער דער פּראָווינץ, ווערט ער אַנגאַזשירט צו אַדאָלף גערטנער אין שיקאַגאָ, וואו ער שפּילט 4 יאָר, דערנאָך 2 סעזאָנען ביי גערמאַנען אין טאָראָנטאָ, אַ סעזאָן אין באָסטאָן ביי דזש. נאַטאַנסאָן, 1927-9 אין פילאַדעלפיער אַרטש סט. טעאַטער און 1929-30 אין בראָנקסער פּראָספּעקט-טעאַטער.

מ. ע.

אַלבום פון פילאַדעלפיער אידישע שוישפּילער (אייב דאָרף), „פאָרווערטס" פילאַדעלפיע 27 נאָוו. 1927.

דאָרף, מאָריס

געבוירן 26 דעצ. 1892 אין מאָשטשיסק, גאַליציע. פאָטער — באַזיצער פון אַ טראַפיק. אין 1905 געקומען צוזאַמען מיט דער פאַמיליע אין אַמעריקע, דאָ געלערנט אין אַ נייטסקול און בייטאָג געאַרבעט אין אַ פאַבריק. אין 1908 באַקענט זיך ד. מיט געבילן, און שפּילט מיט אים איניקע יאָר אין מוזיקהאָלס. ד. איז געווען דער ערשטער אַליין צו שפּילן יידיש וואָדעוויל אין די מואווים. דערנאָך געשפּילט אַ סעזאָן לעגיטים טעאַטער אין מאָנטרעאל און צוריקגעקומען קיין ניו-יאָרק, וואו ער שפּילט ווידער וואָדעוויל, דאַן געשפּילט אַ סעזאָן לעגיטים טעאַטער ביי אַבראַמאָוו אין דעטראָיט, אַ קורצע צייט אין דענווער מיט דזש. נאַטאַנזאָן, דערנאָך צו סעזאָנען ביי ס. ב. גראָסמאַן אין סט. לואיס און אין וויניפּעג, דאַן 4 יאָר ביי גערטנערן אין שיקאַגאָ, דערנאָך געוואָרן אַ מיטגליד אין דער יוניאָן און געשפּילט 4 יאָר אין ניו-יאָרקער ליריק טעאַטער, צו סעזאָנען אין האָפּקינסאָן, גרענד, אין קליוולאַנד, אין פילאַדעלפיע מיט גאָלדענבורג און צילע אַדלער און מיט זיי אין ניו-יאָרקער אַמפּיאָן-טעאַטער, 1926-7 אין לענאָקס ביי נייטאַן גאָלדבערג און 1927-30 אין פּראָספּעקט ביי נייטאַן גאָלדבערג.

מ. ע.

דאָרף, עטל
[עפּעלבלאַט]

געבוירן 1899 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. עלטערן — בעקעריי-באַזיצער. אין 1905 זיך אַריבערגעטראָגן מיט דער פאַמיליע קיין שיקאַגאָ, וואו ד. ענדיקט פּאַבליק-סקול און לערנט אין האַי-סקול. זוכנדיק אַ פּאָסטן טרעט ד. אַריין אין כאָר פון עמפּייר-טעאַטער, און צום סוף סעזאָן באַקומט זי שוין ראָלן. אויפן צווייטן סעזאָן האָט ד. געשפּילט אין וואַריעטע און נאָכדעם ווי זי האָט חתונה מיט אייב דאָרף, שפּילט זי אַ סעזאָן אין מיניאַפּאָליס, דערנאָך 4 סעזאָנען ביי גערטנער אין שיקאַגאָ, און ווייטער מיטגעמאַכט דעם זעלבן עטאַפּ וואָס איר מאַן.

אַמפּלואַ — פּרימאַדאָנע.

מ. ע.

אַלבום פון פילאַדעלפיער אידישע שוישפּילער (עטהעל דאָרף), „פאָרוו." פילאַדעלפיע 4 דעצ. 1927.

דאָרף, עליזאַ

אָנגעהויבן אַלס כאָריסטין און איבערגעגאַנגען צום זשאַנר פון מוטער-ראָלן.

אין 1922 געשפּילט ביי גימפּעל אין לעמבערג.

דאָרפזאָן, ש. י.
[שמואל-יעקב הארענדאָרף]

געבוירן 25 נאָוועמבער 1900 אין כענטשין, קעלצער גוב., פוילן. זיך דערצויגן אין אַ דאָרף, וואו ער לערנט ביי זיין עלטערן ברודער און אין דער דאָרפישער שול, פון 10 יאָר אָן אין קעלץ. געאַרבעט אַלס שילדנמאַלער. אָנהייב מלחמה אַוועק מיט אַ טראַנספּאָרט אַרבעטער קיין דרום-טיראָל, וואו ער אַרבעט אַ האַלב יאָר, דערנאָך אַ יאָר-און-אַהאַלב אין אַ ווינער פאַבריק פון וואַגאָנען און לאָקאָמאָטיוון. צום סוף פון דער וועלט-מלחמה צוריקגעקומען אין קעלץ, וואו ער נעמט אָן אַקטיוון אַנטייל אין דער פּ"צ-באַוועגונג, שפּעטער אין וואַרשע זיך באַטייליקט אין זייער אָרגאַן „פרייע יוגענד". 1920 צוליב פּאָליטישע סבות אַוועק קיין ווין, וואו ער גיט זיך אָפּ מיט זעלבסטבילדונג, רעדאַקטירט אַ געוויסע צייט „די יודישע מאָרגענפּאָסט" און קאָרעספּאָנדירט אין אַמעריקע און אין וואַרשעווער „מאָמענט" א"פּ ש. י. דאָרפזאָהן.

אין 1924 האָט ד. אַרויסגעגעבן אין ווין אַ וואָכנבלאַט „די נייע צייט" אין וועלכן ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין ווין, אין מערץ-אַפּריל 1925 האָט ער פאַרעפנטלעכט אין „נייער לאָדזער פאָלקסבלאַט" 5 אַרטיקלען א"נ „דאָס יידישע טעאַטער אין טשעכיען" (מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין מערב-אייראָפּע). אין 1926 אין פורים-נומער „מאָמענט" — „פורים ביי די קאַרפּאַטן-יידן", וואו ער שילדערט זייערע פורים-שפּילן.

ד. שרייבט אָפט אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער און איז פאַרבונדן מיטן יידישן ווינער טעאַטער אַלס סופלער און פאַרוואַלטער.

מ. ע.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 793-4.

דר. יעקב שאַצקי — קלענערע אַרבעטן צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, „אַרכיוו", זז. 498-499.

דאַשעווסקי, צבי־הערש
[געב. 1888 — געשט. 18 סעפּט. 1926]

געבוירן 1888 אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אוקראַאינע. באַטייליקט זיך שפּעטער אַלס אַקטיאָר אין פאַרשיידענע טרופּעס אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אָדעס און דערנאָך רומעניע. 1921 — געקומען פון אוקראַאינע קיין פוילן און דאָ צוזאַמען מיטן אַקטיאָר קראַנץ איבערזעצט אַ דראַמאַטיזאַציע פון אַנדרעיעווס „זיבן געהאַנגענע" (טראַגעדיע אין 6 בילדער (אָדער 5 בילדער), איבערזעצט און אינסצעניר, פ"ג הירש מאַץ, ווילנע, 1924), [62. ז. °16], און דראַמאַטיזירט וויקטאָר הוגאָס „דער גבור אין קייטן" [וויקטאָר הוגאָ „דער גבור אין קייטן" "Les Miserables"] אַ לעבנס-דראַמע אין 6 בילדער, אינסצענירט און באַאַרבעט פאַר דער יידישער בינע פון ה. דאַשעווסקי, פאַרלאַג הירש מ"ץ, ווילנע, 1925, [69 ז. °16]. ביידע סצעניזירונגען זיינען מיט דערפאָלג געשפּילט געוואָרן דורך די טרופּעס פון צענטראַל-טעאַטער אין וואַרשע (רעזשי מ. ליפּמאַן), „וויקט" און דורך אַנדערע טרופּעס.

ד. האָט אויך סצעניזירט שלום-עליכמס „בלאָנדזשענדע שטערן" און אָנגעהויבן אויך אַנדערע דראַמאַטישע אַרבעטן. פון צייט צו צייט האָט ד. אויך פאַרעפנטלעכט אין ווילנער פּעריאָדישע אויסגאַבן אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער.

צוליב שווינדזוכט פלעגט ד. זעלטן אַרויסטרעטן אַלס אַקטיאָר און האָט שפּעטער אויך געמוזט אויפגעבן דאָס סופלירן.

דעם 18טן סעפּטעמבער 1926 איז ד. געשטאָרבן אין ווילנער שפּיטאָל „משמרת החולים", ווייט פון זיין פאַמיליע.

א. י. גראַדזענסקי — צ. ה. דאַשעווסקי, „אָוונט־קוריער", ווילנע, 216, 1926.

שרה רייזען — דער דאַשעווסקי־אָוונט, „ווילנער טאָג", 7 אָקטאָבער, 1926.

דאַשקעוויטש, חנה
[עדעלמאַן]

געבוירן 1879 אין אָדעס, אוקראַאינע. פלעגט על פּי רוב שפּילן אין דער וואַנדער-טרופּע פון איר פאָטער וואָלף עדעלמאַן. 1920 — געקומען אין רומעניע און געשפּילט איניקע יאָר ביי איציקל גאָלדענבערג. צוליב אַ האַלז-פאַרקילונג זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע.

ד.'ס שוועסטער שפּילט א"נ טאַמאַראַ אין אַ רוסיש אָפּערע-טעאַטער.

מ. ע.

מ. מיאָדאָווניק — מיינע טעאַטער־זיכרוינעס, „שטערן", מינסק 4(7), 1926, זז. 33-34.

דובינסקאַ, דאָראַ
[ראַבורין]

שטאַמט פון אָדעס, אוקראַאינע. בעת דעם אָנהייב פון יידישן טעאַטער אין ניו-יאָרק, טרעט ד. אַריין אין כאָר פון דער טרופּע זילבערמאַן און חיימאָוויטש (אָריענטאַל טעאַטער), וואו איר מאַן,

אַ פּעדלער, האָט אַריינגעלייגט געלט און צוליב דעם געוואָרן קאַסירער. אַ קורצע צייט דערנאָך טרעט ד. אויף אַלס „שולמית" און שפּילט צווייטע פּרימאַדאָנאַ-ראָלן נעבן סאָפּיאַ קאַרפּ. שפּעטער ווען ס'קומען אָן נייע שוישפּילער פון אייראָפּע, ווערט ד. געשטעלט אין הינטערגרונט און זי ציט זיך צוריק פון דער בינע.

מ. ע. פון ראָזאַ קאַרפּ, בינע אַבראַמאָוויטש און אַדוו. סאַראַסאָן.

דובינסקי, יידל

געבוירן 14 מאַי 1886 אין קיעוו, אוקראַאינע. פאָטער — באַזיצער פון אַ יאַטקע. געלערנט אין חדר ביז 14 יאָר און גלייכצייטיק געהאַט אַ לערער פאַר וועלטלעכע למודים. פון קינדווייז אָן אַרויסגעוויזן נייגונגען צו מוזיק, געשטרעבט צו ווערן אַ פידל-שפּילער און 4-5 יאָר געלערנט וויאָלין אין אַ מוזיק-שול אין קיעוו. צוליבן פאָטערס טויט, מוז ד. ווערן דער פּרנסה-געבער, און ער טרעט אַריין אַלס וויאָליניסט אין פישזאָנס טרופּע, וואו ער באַקומט אַ שטאַרקע לוסט צו דער בינע. נאָכן שפּילן אַ יאָר אין אָרקעסטער, טרעט ד. אַריין אין דער דראַמאַטישער שול פון אַקטיאָר סקוראַטאָוו, וואו ער לערנט 2 יאָר.

דעביוטירט אויף דער בינע האָט ד. אויף דער פאָרשטעלונג פון סקוראַטאָווס שילער אין 1904 אין דער טיטל-ראָל פון פּושקינס „דער קאַרגער ריטער"; דערנאָך פאָרט ער אַרום איבער דער פּראָווינץ, אָבער ער ציט זיך צוריק פון ווערן אַ רוסישער אַקטיאָר צוליב דעם שמד-צוואַנג.

אין 1906 וואַנדערט אויס ד. קיין אַמעריקע, טרעט אַריין אין אַ שאַפּ, און שליסט זיך אָן אין ענטינס „פּראָגרעסיוו-דראַמאַטיק קלאָב", וואו ער איז 5 יאָר, דעביוטירנדיק אויף יידיש אין פּשיבישעווסקיס „גאָלדענער פלוס". דערנאָך טרעט ער אַריין אין מעדאָווס אוקראַאינישער טרופּע מיט וועלכער ער פאָרט אַרום איניקע יאָר איבער אַמעריקע, און באַטייליקט זיך אויך פון צייט צו צייט אין יידישע פאָרשטעלונגען.

אין 1917 ווערט ד. אַ מיטגליד אין דער יוניע און טרעט אַריין צו שוואַרץ, וואו ער שפּילט 3 סעזאָנען, דערנאָך צו סעזאָנען ביי עדעלשטיין מיט מיכאַלעסקאָ און וואַליער, ווידער אין קונסט-טעאַטער, פילאַדעלפיע מיט גאָלדענבורג און 5 יאָר מיט גערמאַנען (2 סעזאָנען אין ברוקלין, 1 סעזאָן אין שיקאַגאָ, 1 אין ניו-יאָרקער פאָלקס-טעאַטער און 1929-30 אין ראָלאַנד-טעאַטער).

ד. האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער העברעאישער אויפפירונג פון הירשביינס „דעם שמידס טעכטער" אין ניו-יאָרק.

מ. ע.

דובראָווינסקי, הילעל



געבוירן 1891 אין וואָראָנצאָווקע, כערסאָנער גוב., אוקראַאינע. פאָטער — אַן אָנגעשטעלטער. באַקומען היימישע בילדונג. אַלס קינד זיך באַטייליקט אין אַן אוקראַאינישער פאָרשטעלונג און פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן שפּילן אין ליבהאָבער-קרייזן.

1912 — שוין אַלס פּראָפעסיאָנאַל געשפּילט ביי פישזאָן, קאָמפּאַנעיעץ, ליפּאָווסקי א. א. און אויך אין פאַרשיידענע קאָלעקטיוון. פון 1920 געשפּילט אין „אונזער ווינקעל", פון 1923 מיט זאַסלאַווסקי, פון 1925 אין „פרייַ-קונסט" (מאָסקווע), 1929 — אין „קונסט ווינקל" און 1930 — ווידער אין „פרייקונסט".

ד. פירט אויך אָן מיט דראַמקרייזן.

ש. ע. פון לעאָן דושמאַן.

דושמאַן, לעאָן

געב. 12 אַפּריל 1886 אין ווילנע, פּויליש-ליטע. באַקומען היימישע בילדונג, און געוואָרן אין 1907 אַ סופלער אין בלייכמאַנס טרופּע אין פּאַריז, דערנאָך ביי מרים טרילינג און הערמאַן בערמאַן, מיט וועלכע ער פאָרט קיין אַנטווערפּן. שפּעטער ווערט ד. אַנגאַזשירט אַלס סופלער (באַקאַנט א"פ „גענאָסע") צו מ. ד. וואַקסמאַן אין פּאַריז. 1909-10 פאָרט ד. מיט דער טרופּע איבער בעלגיע און ענגלאַנד. 1912 איז ד. סצענאַריוס אין פיינמאַן-טעאַטער אין לאָנדאָן, און ווערט דערנאָך געהילף-רעזשיסער אין פּאַוויליאָן-טעאַטער (דיר. וואַקסמאַן-מאָשקאָוויטש). אָנהייב 1913 מיטגעפאָרן מיט וואַקסמאַנס טרופּע קיין אַרגענטינע און צוריקגעקומען אין לאָנדאָן, וואו ער אַרבעט ביי בלומענטאַל און יאָזעף שערמאַן אין קעמברידזשער טעאַטער, דערנאָך אַ יאָר ביי יאָזעף קעסלער אין פּאַוויליאָן און פּערעגן-טעאַטער.

1917 פאָרט ד. קיין רוסלאַנד און ווערט געהילף-רעזשיסער אין כאַרקאָוו אין דער טרופּע אַדאָלף סעגאַל און דימאַרסקי, 1918 — אין מאָסקווע, דערנאָך אין ווילנע אַלס רעזשיסער ביי ליפּאָווסקין, און אין 1919 אַלס רעזשיסער אין דער זעלבער טרופּע א"נ „פאַראייניקטער יידישער פאָלקס-טעאַטער" (אָן ליפּאָווסקין). אין 1919 שפּילט ד. אין באָברויסק מיט נאָך איניקע אַקטיאָרן עטלעכע וואָכן, און פאָרט קיין כאַרקאָוו, וואו די טרופּע פאַראייניקט זיך מיט „אונזער ווינקל", און ד. ווערט געהילף-רעזשיסער און אַקטיאָר אין דעם טעאַטער ביז 1921, ווען דאָס טעאַטער צעפאַלט זיך אין מינסק, וואו ד. טרעט אַריין אין דער יידישער מלוכה-טרופּע א"ר פון בערטאַנאָוו. 1922 געשפּילט ביי זאַסלאַווסקין און מיטגעמאַכט אַ טורנע מיט אים איבער מאָהילעוו, וויטעבסק און לענינגראַד. פון 1923 ביז 1925 געאַרבעט אין מינסקער אַרבעטער-קלובן אַלס אָנפירער פון דראַמקרייזן. פון 1925 איז ד. סעקרעטאַר פון יידישן סעקטאָר ביי דער ווייס-רוסישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע (מינסק), געוו. „אינוויסקולט".

ד. האָט אין 1924 געשריבן אַ שטייגער-פּיעסע א"נ „עטל גייט אין זשענאָטדעל", וועלכע איז געשפּילט געוואָרן אין איניקע אַרבעטער-קלובן אין מינסק. ער האָט אויך איבערזעצט איניקע איינאַקטערס און אינסצענירט איניקע דערציילונגען.

ד. האָט געדרוקט אין פּעריאָדישע אויסגאַבן מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, האָט פאַרעפנטלעכט אין מינסקער זשורנאַל „שטערן" (1-4, 1926) די זכרונות פון אַקטיאָר מ. מיאַדאָווניק און גרייט צו אַ בוך „זכרונות וועגן יידישן טעאַטער אין אויסלאַנד".

ש. ע.

מ. ליפּשיץ — מ. מיאַדאָווניק, מיינע טעאַטער־זיכרוינעס, „אַרכיוו", ווילנע, 1930, ז. 509.

דזשאַרדען, העררי

[הערשל דזשאַרדאַנאַווסקי]

געבוירן 27 מאַי 1895 אין סקווירא, קיעוו. גוב., אוקראַאינע. עלטערן — סוחרים, וועלכע וואַנדערן באַלד אויס קיין אַמעריקע. דאָ ענדיקט ד. פּאַבליק־סקול און אין 1913 הייבט ער אָן שפּילן אין די יידישע וואַריעטעס אין פילאַדעלפיע, דערנאָך 5 יאָר אַ סקעטש אין ענגלישן וואָדעוויל, און פירט אויך אויף פּיעסן אין דראַמאַטיק קלאַבס. 1927-8 האָט ד. געשפּילט אין לעגיטימען יידישן טעאַטער אין באַלטימאָר, 1928-29 — אין טאָראָנטאָ און 1929-30 אין פּיטסבורג און קליוולאַנד.

ש. ע.

דזשייקאָבס, בעטי

[טרייטלער]

געב. 26 מאַי 1891 אין לעמבערג, מזרח־גאַליציע, פאָטער — טעאַטער דירעקטאָר און אַקטיאָר חיים בנימין טרייטלער.

אַלס 6־יאָריק קינד הויבט זי אָן שפּילן אין איר פאָטערס טרופּע, וועלכע געפינט זיך דאַמאָלט אין רומעניע, דערנאָך פאָרט זי מיט דער טרופּע קיין ענגלאַנד.

אין 1902 קומט זי מיט איר פאַמיליע אין אַמעריקע, און טרעט דאָ אַריין אין וואָדעוויל, אין 1913 הויבט זי אָן שפּילן לעגיטים טעאַטער אין נואַרק און דערנאָך אין ברוקלין, ניו־יאָרק. אין 1917 האָט זי חתונה מיטן אַקטיאָר דזשייקאָב דזשייקאָבס, און הויבט אָן שפּילן אין לענאָקס־טעאַטער, דערנאָך אין גרענד־טעאַטער, און זייט 1926 אין נייש‍אַנאַל־טעאַטער.

אמפּלוא — כאַראַקטער־ראָלן.

מ. ע.

אוריאל מזיק — בילדער־גאַלערעע פון אונזערע אידישע שוישפּילער, „דער טאָג", נ. י. 5 יאַנואַר 1918.

דזשייקאָבס, דזשייקאָב

[יעקב יאַקובאָוויטש]

געב. 2 יאַנ. 1890 אין ריסק, אונגאַרן. פאָטער — אַ פּאָסעסאָר. געלערנט אין חדרים און אין אַ שול.

אין 1904 געקומען קיין אַמעריקע, געאַרבעט אין אַ סאָדאַ־פאַבריק, אַרומגעטראָגן סאָדאַ־וואַסער, שפּעטער געאַרבעט אין אַ בלעך־פאַבריק, און צום סוף זיך געלערנט שניידערײַ.

אין 1907 טרעט ד. אַריין אַלס כאָריסט אין אַ וואָדעוויל־טעאַטער, און זונטאָג, ווען עס איז די וואָדעוויל־טעאַטער פאַרווערט צו שפּילן, זינגט ער אַליין קופּלעטן.

אין 1908 אַנגאַזשירט אים אַגער אַלס וואָדעוויל־אַקטיאָר, שפּעטער טרעט ער אַריין אין וואָדעוויל צו ליליענען.

אין 1911 טרעט ד. אויף צום ערשטן מאָל אין אַ פּיעסע: אַלס „זלמן" אין קאָבריןס „יאַנקעל בוילע" אין טעאַטער אָדעאָן.

אין 1912 נעמט ער איבער די דירעקציע פון ליריק־טעאַטער אין בראָנזוויל, און דערנאָך בשותפות מיט נייטאַן גאָלדבערג דאָס לענאָקס־טעאַטער אין האַרלעם, 1926-30 איז ער מיט־דירעקטאָר פון נייש‍אַנאַל־טעאַטער. 1927-8 איז ד. אויך געווען מיט־דירעקטאָר אין פּראָספּעקט־טעאַטער אין בראָנקס.

אין די אַלע טעאַטערס איז ד. אויך טעטיק אַלס אַקטיאָר.

ד. פאַרפאַסט אויך קופּלעטן מיט אייגענער מוזיק.

ד. איז פאַרהייראַט צו בעטי דזשייקאָבס, טאָכטער פון פאַרשטאָרבענעם יידישן טעאַטער־דירעקטאָר טרייטלער.

אמפּלוא — כאַראַקטער־קאָמיקער.

מ. ע.

א. פרומקין — צופיעל טעאַטערס די הויפּט צרה, ערקלערען גאָלדבערג און דזשייקאָבס, „מאָ"זש", 2 דעצ., 1927.

דזשייקאָבסאָן, אירווינג

געבוירן 18 יוני 1898 אין שיקאַגאָ, אַמעריקע. עלטערן — אַקטיאָרן. געענדיקט פּאַבליק סקול און גראַמער־סקול אין ניו־יאָרק. געשפּילט ביז 14 יאָר קינדער־ראָלן מיט פּנחס טאָמאַשעווסקי. נאָך אַלס קינד געזונגען ביי די חזנים סיראָטאַ, מייזעל און סאָלאָווייטשיק, אַרויסגעטראָטן אין סאָלאָ נומערן (סינגל טוירנס) אין וואָדעוויל־פּלעצער און טעאַטערס און זיך באַטייליקט אין פילם־בילדער א"ד פון סידני גאָלדין. געשפּילט קינדער־ראָלן מיט די אָנגעזעענסטע כחות פון דער יידישער בינע, צ. א. „שלמהלע" אין „מירעלע אפרת" מיט ליפּצין און קאַמינסקאַ.

בערך 10 יאָר ניט געווען ביי דער בינע און זיך פאַרנומען מיט מסחר, דערנאָך געשפּילט צו סעזאָנען מיט גאָלדענבורג אין פילאַדעלפיער גאַרדען־טעאַטער, מיט גאָלדענבורג אין ניו־יאָרקער אַמפּיאָן־טעאַטער, 2 סעזאָנען אין שיקאַגאָ מיט מיכאַלעסקאָ, 1928-9 — אין פילאַדעלפיע, זומער 1929 — גאַסטראָלירט מיט מעי שיינפעלד אין פּאַריז און רומעניע און 1929-30 — געשפּילט אין ניו־יאָרקער נייש‍אַנאַל־טעאַטער.

אמפּלוא — פּאַט־קאָמיקער.

מ. ע.

דזשייקאָבסאָן, בעסי

[ביילע שור]

געבוירן 11 אויגוסט 1870 אין אָטיק, בעסאַראַביע. שטאַמט אָפּ פון מחבר פון „תביעות שור" פון גאַליציע. פאָטער — פּאַסעסער. געענדיקט די שטאַטישע שול, געלערנט 2 יאָר אין גימנאַזיע, העברעאיש ביי אַ לערער. אין עלטער פון 19 יאָר געקומען אין אַמעריקע און 2 יאָר געאַרבעט אין אַ פאַבריק. נאָך דער חתונה מיט יוסף דזשייקאָבסאָן געוואָרן אַן אַקטריסע און אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ, דערנאָך אַ קורצע צייט געזונגען אין כאָר ביי אַדלער אין שיקאַגאָ, דאַן דאָרט

אָנגעהויבן שפּילן און שפּעטער געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט טאָמאַשעווסקי, מאָריסאָן, קעסלער, ליפּצין, קאַמינסקאַ און שנייער. אַ געוויסע צייט אויך אַרומגעפאָרן איבער אַמעריקע מיט אַן אייגענער טרופּע.

זייט 1918 זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע, אָבער אין 1923 זיך באַטייליקט אין די מאַסן-סצענען אין בעלאַסקאָס ענגלישער „שײלאָק"-אויפפירונג.

אירע קינדער: היימי, אורווינג און העגריעטאַ — יידישע אַקטיאָרן.

מ. און ש. ע.

דזשייקאָבסאָן, דזשייקאָב

איז געווען פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער אין סוף פון די אַכציקער יאָרן אין לאָנדאָן, און שפּעטער אין אַמעריקע אַלס באַארבעטער און איבערזעצער פון פּיעסן.

פון זיינע פּיעסן זיינען אויפגעפירט געוואָרן: „רחל און לאה", „די בעטלערין", „משהלע סאָלדאַט" און „די נעגער-שקלאַפן".

אויך די פּיעסן „די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן" אָדער „די צושטערונג פון דער באַסטיליע" און „אייביקע ליבע" (אויפג. 1912) פון דר. דזשייקאָבסאָן זאָלן אים געהערן.

מ. ע. פון מאַקס ראָזענטאַל.

ב. גאָרין — „געש. ייד. טעאַט." II, ז. 151, (רשימה פון פּיעסן).
יעקב פּ. אַדלער — מיין לעבען, „די נייע וואָרהייט", נ. י. 29 אַפּריל, 1925.

דזשייקאָבסאָן, דזשייקאָב

אַ צייכנער פון דאַמען-קליידער אין ניו-יאָרק. פאַרפאַסט אַ דראַמע „הערשענדע שקלאַפן", וועלכע איז אין 1911 אויפגעפירט געוואָרן מיט אַ גרויסן דערפאָלג דורך קעסלערן אין קעסלערס סעקאָנד עווענױ-טעאַטער.

די פּיעסע באַזירט אויף אַ פּאַסירונג אין דער פאַמיליע פון מחבר.

מ. ע. פון שלום פּערלמוטער.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." (רשימה פון פּיעסן).

דזשייקאָבסאָן, היימי

[חיים-מענדל]



געב. 9 נאָוו. 1895 אין שיקאַגאָ, אַמעריקע. עלטערן — יידישע אַקטיאָרן. געענדיגט פּאָבליק און האַי-סקול.

נאָך אַלס קינד פון 4 יאָר הויבט ער אָן ביי די עלטערן שפּילן קינדער-ראָלן אין סינסינעטי, און אַזוי שפּילט ער ביז אין עלטער פון 15 יאָר.

זיין ערשטע ראָל אַלס דערוואַקסענער איז אין אַרטש סטריט-טעאַטער אין פילאַדעלפיע (1917) אַלס דער קאָמיקער אין דער פּיעסע „פּאַביאַ ראַמאַני". אין 1918 שפּילט ער אין פּיפּלס-טעאַטער, 1919-20 — בוף-קאָמיקער אין סעקאָנד-עווענױ-טעאַטער, 1921 — טאָמאַשעווסקיס נײשאָנאַל-טעאַטער, 1927 אין פּאָבליק-טעאַטער, 1928-9 אין באָסטאָן און 1929-30 אין שיקאַגאָ. אין משך פון די אַלע יאָרן האָט ער געשריבן פיל קופּלעטן מיט מוזיק, וועלכע ער זינגט אַליין.

ד. האָט שטודירט מוזיק און שפּילט אויף אייניגע אינסטרומענטן. אין 1918 איז ד. געווען וויצע-פּרעזידענט פון דער אַקטיאָרן-יוניע.

מ. ע.

דזשייקאָבסאָן, העגריעטאַ

געבוירן 27 מערץ 1906 אין שיקאַגאָ, אַמעריקע. עלטערן — אַקטיאָרן. געענדיקט פּאָבליק און האַי-סקול. אין עלטער פון 5 יאָר אָנגעהויבן שפּילן קינדער-ראָלן ביי ליליען אין אַ קליין טעאַטערל אין ניו-יאָרק, דעביוטירנדיק אין זיין מעלאָדראַמע „שיינע קליידער".

ווען אַדלער פירט אויף אין זיין טעאַטער אַנשעל שאָרס „מענדל ביילים", גייט ד. איבער אין זיין טעאַטער, און אַ דאַנק דער קריטיק, ווערט זי דאָס „אָפיציעלע" קינד פון יידישן טעאַטער אין ניו-יאָרק.

אַ סעזאָן שפּעטער שפּילט ד. אין נײשאָנאַל טעאַטער ביי טאָמאַשעווסקין, דאַן ביי געבילן אין פּיפּלס טעאַטער, וואו זי טרעט צום ערשטן מאָל אַרויס אין אַ געזאַנג-ראָל, דערנאָך אין פּיפּלס טעאַטער ביי בעסי טאָמאַשעווסקי, וואו זי טרעט שוין אַרויס אין אַ באַדייטנדע ראָל אין ליביןס „די צוויי מאַמעס". נאָכן שפּילן אייניקע סעזאָנען אויף דער פּראָווינץ אַלס סובּרעטין און ווערנדיק אַ מיטגליד אין דער יוניע, טרעט אַריין ד. אין 1927 אין ניו-יאָרקער ליריק טעאַטער ביי ליליען. 1929-30 — האָט ד. געשפּילט אין נו-אַרק ביי עלווינג.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע „מאָ"זש", 30 דעצעמבער 1927.

דזשייקאָבסאָן, יוסף

[יאַקאָבזאָן]

[געב. 1867 — געשט. 23 מאַי 1906]

געבוירן 1867 אין זיגיווקע, פּאָדאָל. גוב., אוקראַאינע. אַן אייניקעל פון יאַמפּאָלער רב. געהאַט סמיכות אויף רבנות און אַ געוויסע צייט געווען שוחט. אין 1888 געקומען אין אַמעריקע. דאָ איז ער אַ קורצע צייט געווען אַן אַרבעטער, און נאָך זיין חתונה אין 1891 ווערט ער אַן אַקטיאָר ביי אַדלערן, דערנאָך פירט ער אַליין עלף יאָר אַ וואַנדער-טרופּע איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, שפּילנדיק אַלס בוף און כאַראַקטער-קאָמיקער. אין סט. לואיס באַקומט ד. אַ לונגען-אָנצינדונג, און שטאַרבט דאָרט דעם 23 מאַי 1906.

ד.'ס קינדער: היימי, אורווינג און העגריעטאַ שפּילן אויף דער יידישער בינע.

ש. און מ. ע. פון זיין פרוי בעסי דזשייקאָבסאָן.

דיבעק, יאָזעף

אַרויסגעטראָטן צוזאַמען מיט חיים אַבראַמאָוויטש אַלס יידישער פאָלקסלידער-זינגער אין בודאַפּעסט און אין 1883 געבראַכט קיין בודאַפּעסט הורוויצס טרופּע, אין וועלכער ער האָט זיך באַטייליקט.

אַ צייט שפּעטער האָט ד. פאַרלאָזט די בינע און האָט בערך אין 1912 געהאַט אַ וועשעריי אין בודאַפּעסט.

מ. ע. פון צעזאַר גרינבערג.

„די גילדענע פּאַווע“

די „גילדענע פּאַווע“ (קליין-קונסט-בינע) איז געגרינדעט געוואָרן סוף אויגוסט 1924 אין ווין אונטער דער לייטונג פון לעאָן האַלפּערן.

די ערשטע פאָרשטעלונג (פּרץ הירשביינס „נבלה“) איז געשפּילט געוואָרן אויף העבראַיִש.

אַ חודש שפּעטער האָט די גרופּע געדונגען אויף אַ יאָר דעם זאַל פאָן אין 1טן באַצירק, און נאָך אַ קורצער צייט אַרויסגעטראָטן מיטן אָפיציעלן ערשטן יידישן פּראָגראַם, וואָס איז באַשטאַנען פון: „בעלמער רב“ (אינסצעניזונג פון הערצבערג), „באַנצע שווייג“ (נאָך י. ל. פּרץ), און די אינסצעניזטע פאָלקס-לידער „מה קא משמע לן“, „ביים רבין“, „דער מגיד“, „אברהמעלע מלמד“.

דאָס צווייטע פּראָגראַם (דורכגעפירט געוואָרן דעם 7טן יאַנואַר 1925) איז באַשטאַנען פון: „בת שבע“, איינאַקטער פון דוד פּינסקי, „קאַסרילעווקע“ (דראַמאַטיזירונג נאָך שלום עליכם פון הערצבערג) און די אינסצעניזטע פאָלקסלידער „אויפן פּריפּעטשיק“, „שבת צו נאַכט“ און „די דריי נייטאָרינס“. (רעזשי לעאָן האַלפּערן, דראַמאַטורג יצחק הערצבערג, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען: טוביע גערולע און אַננאַ לעשנאָי.)

דאָס דריטע פּראָגראַם האָט איבערגעחזרט נומערן פון די פריערדיקע, און דעם איינאַקטיקן פאַרס „אַ רעצעפּט קעגן שוויגערס“ פון מאַקס האַרטוויג (איבערזעצט ז. זילבערצווייג).

יעדעס פּראָגראַם האָט זיך געהאַלטן אַ לענגערע צייט אויפן אַפיש. די פאָרשטעלונגען פלעגן זיך אָנהייבן פּינקטלעך $7\frac{1}{2}$ אין אָוונט. דאָס פּובליקום פלעגט זיך פאַרהאַלטן אין טעאַטער מיט גרויס דרך-ארץ. אויף דער בינע האָט געהערשט אַן ערנסטע דיסציפּלין. כמעט אַלע אָנטיילנעמער: בררב (ש. אשקענאַזי), בנעוני (ד"ר. נתן ברינד), בן-לוי, אליעזר געלער, לעאָן האַלפּערן, אַרטור האַף, מנשה כדרי, מאַקס קאַץ, מ. שרייבער, אסתר האַלפּערן, מרים שנאַבעל-העפּליך און ג. רעכטער, זיינען געווען ניט קיין פּראָפעסיאָנאַליסטן, און ניט קיין ווינער, נאָר יידישע סטודענטן פון פּוילן און רוסלאַנד, אַ טייל אַבסאָלווענטן און אַ טייל באַזוכער פון דער דראַמאַטיש-אַקאַדעמישער שול אין ווין.

די סבות פון אונטערגאַנג זיינען: דער שלעכטער מאַטעריעלער מצב צוליב די גרויסע הוצאות, וואָס יעדעס פּראָגראַם האָט געפאָדערט, און פּערזענלעכע קנאה-שנאה צווישן די מיטגלידער.

ש. ע. פון אליעזר געלער.

דייטש, יצחק

[סאָלאָמיאַניק]

געב. 18 דעצ. 1884 אין טאָלטשין, אוקראַינע. דער פאָטער — אַ מלמד, אַ משכיל, וועלכן מען רופט דערפאַר „דייטש“. געלערנט ביים פאָטער און אין בית־המדרש. „העלפט“ צו מיט די איבריקע קינדער אין שטוב ביים טאַטן, וועלכער איז אויך אַ בעל-תפלה.

ד. לערנט זיך שלאָסעריי, און ווען די פאַמיליע פאָרט צו זיינער אַ שוועסטערס חתונה קיין אָדעס, בלייבט ער דאָרט אַלס שלאָסער, אָבער באַלד וואַרפט ער דאָס פאַך און גייט אַריין אַרבעטן אין אַ ברעטער-געשעפט, דערנאָך אַ יאָר אין אַ גאַלאַנטערי-געשעפט, דאַן אַ שטיקל צייט אין אַ טאַבאַק-געשעפט, טרעט אַריין צום ברודער אַלס קאָמיסיאָנער, ביז עס רוקט זיך אונטער דער פּריזיוו און ער אַנטלויפט קיין בראָד, וואו ער האָט אַ ברודער אַ חזן, און ווערט ביי אים אַ משורר. אָפּזיינענדיק דאָרט 10 חדשים, לערנט ער זיך אויס אַביסל נאָטן און אַנטלויפט צו גימפּעלן קיין לעמבערג, וואו ער טרעט אַריין אין כאָר און באַקומט באַלד קליינע ראָלן. נאָכן שפּילן דאָרט 3 יאָר, גייט ער איבער צום פּראָווינץ־דירעקטאָר דרוקער, ביי וועמען ער שפּילט שוין ליבהאָבער-ראָלן. אָבער דאָרט איז ער ניט מער ווי 2 חדשים און טרעט אַריין אויף אַ סעזאָן צו עבעל, פון דאָרט אַ סעזאָן ביי אָקסעלראָד אין טשערנאָוויץ, און דערנאָך ביי זיגלערן אין ווין.

אונטער דער השפּעה פון יעקב מעסטעל, מיט וועלכן ער ווערט נאָענט באַפריינדעט, הויבט ער אָן לייענען יידישע ליטעראַטור און פאַראינטערעסירט זיך מיטן ריינעם יידישן טעאַטער, אַזוי, אַז אין 1919 באַטייליקט ער זיך אין די זונטאָגדיקע ליטעראַרישע פאָרשטעלונגען פון דער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע“. אין זומער 1920 טרעט ער אינגאַנצן אַרויס פון יידישן אָפּערעטן־טעאַטער, און צוזאַמען מיט עגאָן ברעכער, לאה ווינטרויב-גראַף און מינע דייטש גרינדעט ער (נאָוו. 1920), מיט דער מיטהילף פון דער אָרגאַניזאַציע „פרייע יידישע פאָלקס-בינע“, דאָס ערשטע יידישע סטאַבילע ליטעראַרישע טעאַטער אין ווין, וואו ער איז אויסער אַקטיאָר אויך פון צייט צו צייט רעזשיסער.

דורך זיין איניציאַטיוו גייט אין אָנהויב 1921 בן־צבי באַראַטאָוו איבער צו דער יידישער בינע און טרעט אַריין אין דער דאַזיקער טרופּע.

נאָך אַ גרעסערן טורנע איבער רומעניע מיט דער דאָזיקער טרופּע, וועלכע צעפאַלט זיך דאָרט, קומט ד. צוריק אין 1923 קיין ווין, שפּילט דאָ אַ קורצע צייט, פאָרט אָפּ גאַסטראָלירן קיין פּאַריז, צוריק אין ווין און אין 6־1925 גאַסטראָלירט ער שוין צוריק אין אַלטן רעפּערטואַר אין אַרגענטינע, 1927 אין בראַזיליע, 1928 אין דרום־אַפריקע און 1929 אין ווין.

מ. ע.

ש. ע. פון יהודה בלייך.

Siegfried Schmitz—Isaak Deutsch “Wiener Morgenzeitung”, 24 Juni, 1921

[איבערגעדרוקט אין בוך „פּרעסעשטימען“, ווין, 82+18 ז.]

יצחק דייטש — אַרום יידישן טעאַטער אין ווין, „ליט“בל“, 59, 1925.

דייטש, מיני

[מענקעס]

געב. 2 אָקטאָבער 1887 [לויט דאָקומענטן: 1883] אין לעמבערג, גאַליציע. פאָטער — אַ שלאָסערמייסטער, דערנאָך אַ בוי-אונטערנעמער. געענדיקט 6 קלאַסן פאָלקסשול.

דער פאָטער, אַ פריינט פון יעקב בער גימפּעל, גיט אַריין זיין טאָכטער צו אים אין כאָר, וואו זי איז בערך 10 יאָר. פון דאָרט גייט ד. איבער אין עבעלס טרופּע, וואו זי דעביוטירט אַלס „דאָבע“ אין „גאָט, מענטש און טייוול“, דערנאָך שפּילט זי ביי אָקסעלראָדן אין טשערנאָוויץ, זיגלער אין ווין, צוריק ביי אָקסעלראָדן, יאָשע עטינגער אין רומעניע, בער האַרט אין גאַליציע, דאַן אין

דער ווינער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע“, 1922 מיט באַראַטאָוו אין רומעניע, איייניקע יאָר בכלל ניט געשפּילט און 8-1927 — אין טעאַטער רעקלאַם אין ווין.

אמפּלוא — כאַראַקטער-ראָלן.

מ. ע.

דיימאָנט, סעם

[גאָלובאָק]

[געב. 10 סעפּט. 1887 — געשט. 3 פעב. 1906]

געב. 10 סעפּט. 1887 אין שיקאַגאָ, אַמעריקע. עלטערן—די אַקטיאָרן ל. און א. גאָלובאָק. אין עלטער פון 4 יאָר אָנגעהויבן שפּילן אין באַלטימאָר אין ענגלישע סקעטשעס קאָמישע ראָלן פון דערוואַקסענע, און באַקומען דעם נאָמען „ליטל דיימאָנט“ [קליינער דימאַנט, אוצר]. זייט דאַמאָלט געשפּילט כסדר אין יידישן און ענגלישן וואָדעוויל, אויסצייכנענדיק זיך אַלס קופּלעטיסט און טענצער.

נאָך אַ קורצער קראַנקהייט איז ד. דעם 3טן פעברואַר 1906 געשטאָרבן און געקומען צו זיין אייביקער רו אויפן ניו יאָרקער וואַשינגטאָן בית-עולם.

מ. ע. פון זיין מוטער אַננאַ גאָלובאָק.

דיימאָנט, קידי

[גאָלובאָק — סאָלאָמאָנאָוויטש]

[געב. 5 נאָוועמבער 1892 — געשט. 25 אַפּריל 1927]

געבוירן 5 נאָוועמבער 1892 אין שיקאַגאָ, אַמעריקע. עלטערן — לעאָן און אַננאַ גאָלובאָק. אין עלטער פון 6 יאָר אָנגעהויבן שפּילן קינדער-ראָלן אין דער טרופּע פון אירע עלטערן. די ערשטע צייט געשפּילט צוזאַמען מיט איר ברודער סעם דיימאָנט, דערנאָך אין פאַרשיידענע יידישע וואַריעטעס, אַרויסטרעטנדיק אויף ענגליש און אויף יידיש.

דעם 25 אַפּריל 1927 איז ב. געשטאָרבן און געקומען צום איר אייביקער רו אויפן יוניפעלד סעמעטערי אין ניו יאָרק.

מ. ע. פון אַננאַ גאָלובאָק.

דיימאָנדשטיין, באָריס

[בערל דוואָרקין]

געבוירן 1892 אין האָמעל, מאָהילעווער גוב., אוקראַאינע. געלערנט אין חדר און אַלס קינד פון 8 יאָר אָנגעשריבן אַ „קינדער-שפּיל“. אין עלטער פון 12 יאָר אַריינגעטראָטן אין „קליינעם בונד“, דערנאָך געוואָרן אַן אַרבעטער אין אַ שטאָל-גיסעריי און פאַר סאָציאַליסטישער טעטיקייט געוועזן איייניקע מאָל אַרעסטירט. שפּעטער געלערנט צייכנען, מאָלן און שניצן אין באַראָן הירש-שול אין ווילנע.

אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע א״נ טיטענסקי, באַזעצט זיך ד. אין ניו-יאָרק, וואו ער האָט זייט 1911 פאַרעפנטלעכט פאַרשיידענע זאַכן א״פ בן-צבי, מאָרים דיוואַן, ב. ד., דר. סטאָלער, א. בלומענקראַנץ.

אַ חוץ איייניקע זאַמלונגען לידער און זשורנאַלן, געווידמעט דעם וועגעטאַריזם, האָט ד. פאַרעפנטלעכט: „דער פאַרלאָרענער זיעג“, אַ דראַמע אין 1 אַקט“ [ניו-יאָרק, 1914, 16 ז. 16°], וואָס איז געשפּילט געוואָרן דורך פאַרשיידענע דראַמאַטישע קרייזן, „נייע וועלטען, פיער איין-אַקטערס“ [„מוטער און קינדער“, „צוריק צו מיין לאַנד“, „הערר גאָלץ“ און „צוויי חברים“, ניו-יאָרק, 1919, 90 ז. 16°] און „אין די שטורם טעג“, דראַמע אין 4 אַקטן און אַכט בילדער [ניו-יאָרק, 1930, 63 ז. 16°].

ש. ע.

דייקסעל, שמואל

געבוירן אין יוני 1886 [לויט ז. רייזען — 1884] אין קעשעניעוו, בעסאַראַביע. פאָטער — געהאַלטן אַ גרויסע שניידעריי. פרי געבליבן אַ יתום און זיך דערצויגן ביי אַ שוועסטער. באַקומען אַ קנאַפּע יידישע דערציאונג אין חדר, דערנאָך באַזוכט די יידישע רעגירונגס-פאָלקסשול. צו 15 יאָר געוואָרן אַ משרת אין אַ גאַלאַנטעריע-געשעפט און 3 יאָר שפּעטער ווידער זיך גענומען צום לערנען. בעתן קעשעניעווער פּאָגראָם געוואָרן פאַרוואונדעט און אַרעסטירט. שפּעטער אָנגעפירט רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע אין אָדעס, ניקאָלאַיעוו א. א. און אויך בעתן מיליטער-דינסט אויף דער גרענעץ פּערסיע-אַפגאַניסטאַן.

צוריקגעקומען אין קעשעניעוו, איז ד. א״פ ריוואַרעס און אָוואָד געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער רוסישער צייטונג „בעסאַראַבסקאַיאַ זשיזן“.

1911 — עמיגרירט ד. קיין אַמעריקע, וואו ער אַרבעט אין אַ שניידער-שאָפּ און איז מיטאַרבעטער אין דער רוסישער צייטונג „נאָווי מיר“. ער באַקענט זיך מיט דער יידישער ליטעראַטור און הויבט אָן שרייבן יידיש אין „פרייע אַרבייטער שטימע“, דערנאָך אין „צוקונפט“, „פרייהייט“ און אַנדערע אויסגאַבן.

די לעצטע יאָרן האָט ד. שטודירט קיראָפּראַקטיק און פּראַקטיצירט אין ניו-יאָרק.

אחוץ אַנדערע בעלעטריסטישע ווערק, האָט ד. אַרויסגעגעבן אַ באַנד „10 איין-אַקטערס“ (אויסגאַבע „פרייהייט“, ניו-יאָרק 1925): „אויף אַ נייעם וועג“ (צוויי בילדער), „נאָך צוועלף באַנאַכט“ (אַ זומערדיקע פאַנטאַזיע), „נאַקעטע נשמות“ (אַ דראַמע), „אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט“ (אַ בילד), „ווען מען די גוטער ליבן“ (אַ דראַמע), „צוויי פאָטערס“ (אַ דראַמע), „דאָס פייער פון אונזערע היימען“, „ווי מיר זיינען“ (אַ באַרעליעף), „אין זיך“ (אַ פּסיכאָלאָגישער עטיוד), „שאַך-מאַט“ (אַ דראַמאַטישע סקיצע), „ווייס און שוואַרץ“ (אַ בילד).

אין „מאָרגן-פרייהייט“ (10-8 אָקט. 1929) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ד.׳ס „דער טעמפּל פון אַלע הייליגקייטן — סאַטירע אין איין אַקט“.

אין 1929 איז אין פאַרלאַג „פונקען“ (ניו יאָרק) דערשינען ד.׳ס „דער צאָרן פון דער ערד — אַ מאַסן-שפּיל אין 5 אַקטן און 9 בילדער“ [95 ז. 16°].

ד. האָט אויך אָנגעשריבן אַ 4־אַקטיקע דראַמע „צוריק צום פֿאָלק“.

ד. איז אין 1923 געווען דער רעזשיסער אין ניו יאָרקער „קונסט-רינג“, זומער 1929 — דער קולטור-דירעקטאָר און רעזשיסער פֿון די דילעטאַנטן-פֿאָרשטעלונגען אין קעמפּ „יוניטי“ און זיינע איינ-אַקטערס זיינען אָפט געשפּילט געוואָרן פֿון פֿאַרשידענע ליבהאָ-בער-קרייזן.

מ. ע. און מ. ע. פֿון שרה קינדמאַן.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 687-9.

מ. אָלגין — נייע דראַמען, „דער האַמער“, נ. י. מערץ 1926.

פֿרויקע שוואַרצמאַן — צוויי פּראָלעטאַרישע ביכער, „פֿרייהייט“, נ. י., 11 נאָוו. 1929.

דימאָוו, אָסיפּ

[יוסף פּערלמאַן]

געבוירן 1878 אין ביאַליסטאָק, פּוילן, אין אַן אינטעליגענטער, האַלב-אַסימילירטער פֿאַ-מיליע. זיין מוטער איז יאָרן־לאַנג געווען לערערין פֿון פֿרעמדע שפּראַכן. באַקומען אַ קנאַפּע יידישע דערציאונג, האָט באַזוכט די גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק און דערנאָך גע-ענדיקט דעם וואַלד-אינסטיטוט אין פּעטער-בורג.

זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ד. אָנ-געהויבן אין קליינע רוסישע צייטונגען און איז אין משך פֿון אַ קורצער צייט אונטער זיין נאָמען און א"פּ „קין“ געוואָרן אַ וויכטיקער מיטאַרבעטער פֿון רוסישע הומאָריסטישע זשורנאַלן און זייט 1906 — שטענדיקער פֿעליעטאָניסט פֿון די רוסישע צייטונגען „סוואָבאָדניאַ מיסלי“, „אוטראָ“, „רוס“ און „סאַטיריקאָן“. ד. האָט אַרויסגעגעבן מערערע ביכער אין רוסיש און איז פּאָפּולער געוואָרן דורך איייניקע פּיעסען, באַזונדערס דורך זיינע דראַמען „ניו, אָדער אַלע טאָג“ (אויפֿגעפֿירט אויף דער רו-סישער און אויף אַנדער-שפּראַכיקע בינעס, אויך אין פֿילם), „שמע ישראל“ און „דער אייביקער וואַנדערער“.

„שמע ישראל“ איז אין 1907 דערשינען אין וואַרשע אין יידיש [איבערזעצט פֿון אברהם גאָלדבערג] און איז יאָרן-לאַנג געשפּילט געוואָרן פֿון ליבהאָבער און פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן יידישן טעאַטער.

וועגן אַן אויפֿפֿירונג פֿון דערדאָזיקער פּיעסע אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע, דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע זכרונות: „אין יענער צייט דערטאַפּט טאָמאַשעווסקי ערגעץ אַ גויאיש ביכל מיט אַ יידישן נאָמען. מען פּיקסט [באַאַרבעט] עס צו מיט אַביסעלע אייגענע פּראָזע און מיר גרייטן זיך אויפֿצופֿירן אַ נייע ליטעראַרישע דראַמע מיטן נאָמען „שמע ישראל“ פֿון דעם באַרימטן „רוסישן“ דראַמאַטורג אָסיפּ דימאָוו. מען האָט אַדווער-טייזט [אַנאָנסירט] „באַרימטן רוסישן דראַמאַטורג“ כאָטש קיינער פֿון אונז האָט ניט געקענט און ניט געוואוסט ווער דער דראַ-מאַטורג איז און פֿון וואַנען איז ער באַרימט. נאָר, אַז ער איז אַ „רוסישער“ האָבן מיר אַלע מסכים געווען, ווארום ס'איז אַ פּשוטער חשבון: דאָס ביכל איז אַ רוסיש, דימאָוו איז אויך רוסיש און אָסיפּ איז דאָך אודאי אַ גוי — איז ער אַ רוסישער, און וויבאַלד ער האָט אָנגעשריבן אַ דראַמע איז ער דאָך אַ דראַמאַטורג און באַרימט וועלן מיר אים שוין מאַכן. . . . מיר פֿירן אויף „שמע ישראל“. די קריטיק לויבט עס אין הימל אַריין. . . . אָבער קיין גרויסער קאַסע-ערפֿאָלג איז די פּיעסע ניט געווען.“

„שמע ישראל“ איז אויך אין 1913 איבערזעצט געוואָרן אין העברע-איש (א. דימוב. שמע ישראל. דרמה בשלש מערכות, תרגום פסח

קפּלן, ביליסטוק, תרעג, 50 ז. 16°] און געשפּילט געוואָרן דורך דער „הבימה העברית“ א'ל פֿון ניצבערג און צמח.

אין 1913 האָט טאָמאַשעווסקי, בעת ער האָט גאַסטראָלירט אין לאָדזש און דאָרט געזען אַ רוסישע אויפֿפֿירונג פֿון ד.'ס „דער איי-ביקער וואַנדערער“ אין דער אַנוועזנהייט פֿון מחבר, פֿאַרבעטן ד.'ן קיין אַמעריקע, וואו ער האָט אין זעלבן יאָר אויפֿגעפֿירט די פּיעסע אין דער יידישער איבערזעצונג פֿון דר. מוקדוני.

וועגן דער אויפֿפֿירונג שרייבט ב. גאָרין: „דאָ האָבן זיך די יוצרות ווידער איבערגעקערט. די בעסערע פּיעסעז האָבן איצט דעם איינציקן מקום מנוחה געפֿונען אין טהאָמאַשעווסקיס נעשאָנאַל-טעאַטער. . . . ניט אַכטענדיק אויפֿן ראַט פֿון די שותּפֿים און היי-מישע מענטשן און די אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט אין דער דראַמע [„דער אייביקער וואַנדערער“] און האָבן מיט איין מויל נביאות געזאָגט, אַז עס וועט זיין אַ חרפּה צו זיין אין טעאַטער דעם אָוונט פֿון דער ערשטער פֿאָרשטעלונג, אַזוי מאוס וועט די פּיעסע דורכפֿאַלן, נאָר די נבואה איז ניט מקוים געוואָרן און „דער אייביקער וואַנדערער“ האָט שטאַרק אויסגענומען ביים ניו-יאָרקער פּובליקום“.

„דער אייביקער וואַנדערער“ איז באַלד דערויף אויך געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע און איז אין 1922 דערשינען אין יידיש אין וואַרשע, אָן וויסן פֿון מחבר.

אין 1912 איז „דער אייביקער וואַנדערער“ איבערזעצט געוואָרן אין העברעאיש און אין צמחס אויפֿפֿירונג געשפּילט געוואָרן דורך דער „הבימה העברית“.

אין אַמעריקע האָט ד. פֿאַרעפֿנטלעכט, דער הויפּט אין „דער טאָג“, הונדערטער קליינע דערציילונגען און אויך פֿיל הומאָרעס-קעס און פֿעליעטאָנען אין „קונדס“, און אויך אַרויסגעגעבן אייניקע ביכער אין יידיש.

לויט ב. גאָרין האָט טאָמאַשעווסקי נאָך אין זעלבן סעזאָן [1914] אויפֿגעפֿירט ד.'ס פּיעסע „דער גערונגענער חתן“ [אַנאָנים איבער-זעצט ב. ריווקין], וועלכע איז דורכגעפֿאַלן.

דיזעלבע פּיעסע איז אין 1921 (איבערזעצט דורך משה גאָלד-בלאַט) א'נ „דער זינגער פֿון זיינעליידן“ געשפּילט געוואָרן אין מינסק [רעזשי בערטאַנאָוו].

אין 1925 איז די פּיעסע א'נ „דער זינגער פֿון זיין טרויער“ (יאָש-קע מוזיקאַנט) באַאַרבעט געוואָרן פֿון יוסף בולאָוו און יעקב שטערנ-בערג און איז, אין גראָטעסק-פֿאָרם, [רעזשי — י. בולאָוו] מיט גרויס דערפֿאָלג געשפּילט געוואָרן דורך „די ווילנער“ אין רומעניע, צוציענדיק אויך אַ ניט-יידישן טעאַטער-עולם.

אין ענלעכע באַאַרבעטונגען איז דערנאָך די פּיעסע געשפּילט געוואָרן איבער פֿאַרשיידענע יידישע בינעס.

אין מאַי 1926 איז דאָס נייע יידישע טעאַטער (סקאַלאַ) אין וואַר-שע געעפֿנט געוואָרן מיט „יאָשקע מוזיקאַנט, גראָטעסק-קאָמעדיע אין 3 אַקטן מיט פּראָלאָג און עפּילאָג, אינסצעניזאַציע און רעזשי —הענריק אַרבאָט, מוזיק-אילוסטראַציע — ש. וויינבערג, טעקסט צו מוזיק — קאַרן-טייער, קאָסטיומען און דעקאָראַציע — י. סליוו-ניאַק און י. עדעלשטיין“.

אין פֿעברואַר 1926 איז די פּיעסע א"נ „יאָשקע מוזיקאַנט“ אויפֿ-געפֿירט געוואָרן אין בראָנקסער שילדקרויט-טעאַטער.

אין יולי 1924 איז „דער זינגער פֿון זיין טרויער“ אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין פּויליש אין וואַרשעווער באָגוסלאַווסקי טעאַטער (רע-זשי — י. באָנעצקי), אין 1926 — אין העברעאיש אין ארץ-ישראל, אויך אין 1929 א"נ „יוזשיק“ — אין דייטש [רעזשי — הילפּערט].

אין 1914 איז אויך — לויט ב. גאָרין — אויפֿגעפֿירט געוואָרן

ד.'ס איינאַקטער „דער קאַטאָרזשניק" און זיין צייט-בילד „די מלחמה", וועלכע איז דורכגעפאַלן.

אין 1915 איז אויפגעפירט געוואָרן ד.'ס „צווישן פעלקער", וואָס האָט אויך ניט לאַנג זיך געהאַלטן אויף דער בינע.

דעם 12 יאַנואַר 1917 איז אין נעשאָנאַל-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך טאָמאַשעווסקין ד.'ס „דער גייסט פון דער שטאָט", דראַמע אין 3 אַקטן מיט פּראָלאָג, מוזיק און פּראָלאָג פון ה' יאָזעף רומשינסקי".

דעם 9 נאָוועמבער 1917 איז אין אַדלערס גרענד-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך אַדלערן ד.'ס דראַמע „די וועלט אין פלאַמען". [אַנאָנים איבערזעצט ב. ריווקין].

דעם 24 יאַנואַר 1918 האָט ד. זיך באַטייליקט אין דער פּיעסע שפּילנדיק די ראָל „יוסף דער פּאָעט".

דעם 22 מערץ 1918 איז אין אַדלערס גרענד-טעאַטער אונטער ד.'ס רעזשי אויפגעפירט געוואָרן זיין „שקלאַפן פון פאָלק, קאָמעדיע אין 4 אַקטן, מוזיק פון פערלמוטער און וואָהל".

דעם 25 אָקטאָבער 1918 איז אין אוירווינג פּליים-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ד.'ס „די ערוואַכונג פון אַ פאָלק" (רעזשי — מאָריס שוואַרץ און א. דימאָוו).

דעם 15 נאָוועמבער 1918 איז אין סעקאָנד עוועניו אויפגעפירט געוואָרן ד.'ס „ירושלים"

נאָכדעם ווי ד. האָט, נאָך עמנואל רייכער, איבערגענומען אויף אַ געוויסער צייט די רעזשי פון „דאָס נייע יידישע טעאַטער" אין ניו-יאָרק, האָט ער דאָרט דעם 31 דעצעמבער 1919 אויפגעפירט זיין קאָמעדיע „בראָנקס עקספּרעס".

1921 — איז די פּיעסע געשפּילט געוואָרן אין ענגליש אין ניו-יאָרקער אַסטער טעאַטער (דיר. מר. און מרס. קאָלבערן).

אין 1927 איז די קאָמעדיע אויפגעפירט געוואָרן אין דייטש אין ריינהאַרדטס דייטשן טעאַטער אין בערלין און אין נאָוועמבער 1929 אין פּויליש אין וואַרשע אין טעאַטער „אַטענעאום".

דעם 16 יאַנואַר 1920 איז אין טאָמאַשעווסקיס טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ד.'ס דראַמע „דער יום הדין" (רעזשי — מחבר).

דעם 28 יאַנואַר 1921 איז אין „דאָס נייע אידישע טעאַטער" אויפגעפירט געוואָרן ד.'ס „נודניקעס, אַזאַ מין קאָמעדיע אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג וואָס מען דאַרף אים אינגאַנצן ניט, געשריבן פון הער יואל דולגאַטש, רעזשי — מחבר".

דעם 29 נאָוועמבער 1921 איז אין אוירווינג פּליים-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ד.'ס „דענדזשער, אַ סאָציאַלע דראַמע, רעזשי — מחבר".

אין סעפּטעמבער 1922 איז אין ניו-יאָרק געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע דראַמאַטישע שול מיט ד. אַלס „רעזשיסער און הויפּט-דירעקטאָר". אין נאָוועמבער 1922 האָט ד. אויפגעפירט מיט די מיטגלידער פון דער שול גאַלסוואָרטיס „קאַמף".

דעם 24 נאָוועמבער 1922 איז אין פּיפּלס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן, מיט בעסי טאָמאַשעווסקי אין דער טיטל-ראָל, „לידי חיה-ציפּע, נאָוועלטי-קאָמעדיע [לויט ב. גאָרין — אַן אַדאַפּטירונג פון סאַרדוים „מאַדאַם סאַן זשען"] אין 4 אַקטן פון אָסיפּ דימאָוו, מוזיק פון יאָזעף ברוידי, רעזשי מאַקס ראָזענטאַל און אָסיפּ דימאָוו".

דעם 14 דעצעמבער 1923 איז אין יידישן קונסט-טעאַטער (רעזשי — שוואַרץ) אויפגעפירט געוואָרן ד.'ס פּיעסע „ברויט".

דעם 29 סעפּטעמבער 1924 איז אין אוירווינג-פּליים-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ד.'ס „דעם רבינס חתונה, טראַגי-קאָמעדיע אין דריי אַקטן, רעזשי מאַקס ראָזענטאַל, ליריק און מוזיק פון לודוויג זאַץ". לויט ב. גאָרין איז אין זעלבן יאָר אויפגעפירט געוואָרן ד.'ס קאָמעדיע „ווען משיח קומט".

הערבסט 1925 האָט ד. צוזאַמען מיט רודאָלף שילדקרויט איבערגענומען דאָס בראָנקסער אינטימע טעאַטער [דאָס געוועזענע „אונזער טעאַטער"], וואָס האָט דאַמאָלט באַקומען דעם נאָמען „רודאָלף שילדקרויט טעאַטער" און האָט דאָרט ווידער אויפגעפירט זיין „בראָנקס עקספּרעס" (מיט שילדקרויטן אַלס „באַצקעל"), און דעם 22 יאַנואַר 1926 זיין קאָמעדיע „די לעצטע געליבטע, דעקאָר. — מרדכי גאָרעליק, מוזיק — וולאַדימיר חפץ".

1929 איז „די לעצטע געליבטע" אויפגעפירט געוואָרן אין דייטש אין מאַקס ריינהאַרדטס קאַמערשפּילע און דערנאָך אין אַנדערע דייטשע טעאַטערס.

דעם 25 מערץ 1927 איז אין יידישן קונסט-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ד.'ס פּיעסע „מענטשן-שטויב, רעזשי — מאָריס שוואַרץ, דעק. — ב. אַראָנסאָן, מוזיק — וולאַדימיר חפץ".

קורץ נאָכדעם איז אין ניו-יאָרקער סעקאָנד עוועניו טעאַטער געפייערט געוואָרן ד.'ס 25 יאָריקער יובילײ און ד. איז אָפּגעפאָרן קיין דייטשלאַנד, וואו ער איז באַשעפטיקט ביים אויפירן זיינע פּיעסען אויף דער דייטשער בינע.

ב. האָט אַלע זיינע פּיעסען געשריבן אין רוסיש און ערשט נאָכדעם, מיט דער הילף פון פריינט, זיי איבערזעצט אין יידיש.

מ. ע. פון לאַזאַר פריד, אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו, יעקב מעסטעל און ב. ריווקין.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 690-694.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." II, זז. 213, 214, 218, 261, 280.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס-געשיכטע", זז. 291-2.

דר. י. וואָרטסמאַן — „דער גייסט פון שטאָדט", „טאָג", נ. י. 17 יאַנ., 1917.

אב. קאַהאַן — אַ טויפעל-פּיעסע, „פאָרוו.", נ. י., 23 יאַנואַר 1917.

י. פּ. אַדלער — אַ בריעף פון דזשייקאָב פּ. אַדלער צו לעאָן קאָברין, „פאָרוו." 23 יאַנואַר 1917.

דר. א. קאָראַלניק — „דער גייסט פון שטאָדט", „טאָג", נ. י. 20 יאַנואַר, 1917.

אָסיפּ דימאָוו — „דער גייסט פון דער שטאָדט", „טאָג", 27 יאַנ. 1917.

ליליפּוט — אָסיפּ דימאָווס נייע דראַמע, „דיא וואַרהייט" 17 יאַנ. 1917.

ישראל דער יענקי — דער גייסט פון שטאָדט, „ידטב"לט", נ. י., 19 יאַנואַר 1917.

ב. גאָרין — דער גייסט פון שטאָדט, „מאָ"זש" 19 יאַנואַר 1917.

י. ענטין — דימאָוו'ס „אַ וועלט אין פלאַמען" אין גרענד טעאַטער, „דיא וואַרהייט", 14 נאָוו. 1917.

י. ענטין — דאָס שפּילען אין „אַ וועלט פון פלאַמען", דאָרט, 17 נאָוו. 1917.

דר. וואָרטסמאַן — „די וועלט אין פלאַמען", „טאָג", 17 נאָוו. 1917.

דר. ש. מ. מלמד — ווען אָסיפּ דימאָוו וואָלט געווען וויליאַם שעקספּיר...., „טאָג", 8 דעצ. 1917.

ז. קאָרנבליטה — „די וועלט אין פלאַמען" און די פלאַמענדיגע קריטיק איבער איהר, „טאָג", 15 דעצ. 1917.

הלל ראָגאָף — „דיא וועלט אין פלאַמען", אַ נייע דראַמא פון אָסיפּ דימאָוו אין אַדלער'ס גרענד טהעאַטער, „פאָרוו." 24 נאָוו. 1917.

אָסיפּ דימאָוו — דער אַקטיאָר, „דער טאָג", 23 יאַנואַר 1918.

אב. קאַהאַן — דימאָוו „קיבעצט" דעם אידישען טהעאַטער אין אַ נייער פּיעסע, „פאָרוו.", 2 אַפּריל 1918.

דר. י. וואָרטסמאַן — אַ סאַטירע אויפ'ן אידישען טעאַטער, „טאָג", 30 מערץ 1918.

י. ענטין — דימאָוו'ס אָריגינעלע שטיפעריי אין אַדלער'ס גרענד טעאַטער, „דיא וואַרהייט", 27 מערץ 1918.

ב. גאָרין — די שקלאַפען פון פאָלק, „מאָ"זש", נ. י., 27 מערץ, 1918.

ב. גאָרין — דימאָווס נייעסטע פּיעסע אין אוירווינג פּליים טהעאַטער, „מאָ"זש" 31 אָקט. 1918.

י. ענטין — דימאָוו'ס אַלט-נייע פּיעסע אין אוירווינג פּליים טהעאַטער, „דיא וואַרהייט", 31 אָקט. 1918.

הלל ראָגאָף — אָסיפּ דימאָוו'ס נייע פּיעסע אין אוירווינג פּליים טהעאַטער, „פאָרוו." 12 נאָוו. 1918.

ישראל דער יענקי — די אידישע טעאַטער וועלט, „יידטג"בלט", נ. י. 22 נאָוו. 1918.

י. ענטין — אָסיף דימאָוו'ס „ירושלים" אין סעקאָנד עוו. טעאַטער, „דיא וואַרהייט", נ. י. 20 נאָוו. 1918.

אב. קאהאן — אָסיף דימאָוו'ס נייע פּיעסע אין סעקאָנד עוועניו טהעאַטער, „פאָרוו." 27 נאָוו. 1918.

לואיס ליפּסקי — דימאָוו'ס נייע סימבאָלישע מעלאָדראַמאַ, „מאָ"זש", נ. י. 27 יאַנואַר 1920.

ס. דינגאָל — „בראָנקס עקספּרעס" פון אָסיף דימאָוו, אין נייעם אידישען טעאַטער, „טאָג", 9 יאַנואַר 1920.

אב. קאהאן — אַ נייער סאָרט קאָמעדיע אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרוו.", 5 יאַנואַר 1920.

ישראל דער יענקי — „בראָנקס עקספּרעס", „יידטג"בלט", נ. י. 12 יאַנואַר 1920.

אוריאל מזיק — דער „יום הדין" פון אָסיף דימאָוו אין טאָמאַשעווסקי'ס טעאַטער, „טאָג", 23 יאַנואַר 1920.

ב. גאָרין — בראָנקס עקספּרעס, „מאָ"זש" 11 יאַנואַר 1920.

וו. רעזניק — אָסיף דימאָוו וועגען אידישער דראַמאַ, „מאָ"זש", נ. י. 2 יאַנואַר 1921.

אב. קאהאן — אַ הומאָריסטישע פּיעסע פון אָסיף דימאָוו אין נייעם טהעאַטער, „פאָרוו." 9 פעברואַר 1921.

ישראל דער יענקי — נודניקעס, „יידטג"בלט", נ. י. 7 פעברואַר 1921.

א. זעלדין — אָסיף דימאָוו'ס „נודניקעס" אין דעם נייעם אידישען טעאַטער, „טאָג" 11 פעברואַר 1921.

ב. גאָרין — אַ סימבאָלישע מעלאָדראַמאַ אין אירווינג פּלייס טעאַטער, „מאָ"זש" 16 דעצ. 1921.

דוד וואַרשאַווסקי — בעסי טהאָמאַשעווסקי אַלס „לוידי חיה ציפּע", „יידטג"בלט", נ. י. 1 דעצ. 1922.

ב. גאָרין — לוידי חיה ציפּה, מא"זש 3 דעצ. 1922.

משה נאַדיר — „מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס בלוט", זז. 108-112, 128-32, 157-160.

מ. יונג — אַקטיאָרען פונ'ם פאָלק, „פרייהייט", 24 נאָוו. 1922.

דר. א. מוקדוני — טהעאַטער אָהן אַ לשון, „מאָ"זש", 28 דעצ. 1923.

אב. קאהאן — „ברויט", אַ נייע קאָמעדיע פון אָסיף דימאָוו אין שוואַרץ'ס קונסט טהעאַטער, „פאָרוו", 25 דעצ. 1923.

ליליפּוט — אומזיסטע ברויט און צוגעשפּיצטע חכמות, „פרייהייט", 21 דעצ. 1923.

ל. ס. ביעלי — אָסיף דימאָוו'ס „ברויט" ביי שוואַרץ'ן, „יידטג"בלט", נ. י. 21 דעצ. 1923.

דר. א. קאָראַלניק — סעם און לעמאַך, „טאָג" 28 דעצ. 1923.

אב. קאַהאַן — צוויי מעלאָדראַמעס, איינע פון אָסיף דימאָוו און די אַנדערע פון י. ד. בערקאָוויטש, „פאָרוו." 9 אָקט. 1924.

נ. בוכוואַלד — מיט פּרעטענזיעס און אָן פּרעטענזיעס, „פרייהייט" 10 אָקט. 1924.

דר. א. מוקדוני — שפּאַס פאַר דער צייט, „מאָ"זש", 17 אָקט. 1924.

ל. ס. ביעלי — „דעם רבינ'ס חתונה" אין אירווינג פּלייס, „יידטג"בלט" 10 אָקטאָבער 1924.

ב. י. גאָלדשטיין — דעם „רבינ'ס חתונה" אינם אירווינג פּלייס טעאַטער, „טאָג" נ. י. 10 אָקט. 1924.

דר. מיכאל וויכערט — רעאַליזם, מעלאָדראַמע און איראָניע, „ליט"בלט" וואַרשע, 64, 1925.

נ. מייזיל — עפענונג פונם נייעם יידישן טעאַטער אין וואַרשע, „ליט"בלט", וואַרשע, 108, 1926.

דר. א. מוקדוני — די לעצטע ליבע, „מאָ"זש", נ. י. 29 יאַנואַר 1926.

אב. קאַהאַן — שילדקרויט אין אַ נייע פּיעסע פון אָסיף דימאָוו, „פאָרוו." 5 פעברואַר 1926.

מיכאל וויכערט — „טעאַטער און דראַמע", II, זז. 174-176.

ל. ס. ביעלי — די נייע פּיעסע פון שילדקרויט'ס טעאַטער, „יידטג"בלט", נ. י., 29 יאַנואַר 1926.

אַלטער עפּשטיין — אין צוויי אידישע טהעאַטערס, „טאָג", נ. י. 29 יאַנואַר 1926.

י. ענטין — אָסיף דימאָוו'ס „די לעצטע געליבטע" אין שילדקרויט'ס טעאַטער, „ייד"ארב", נ. י. 2, 1926.

ב. זיל — „די לעצטע געליבטע" פון אָסיף דימאָוו אין שילדקרויט טעאַטער, „פעדער", נ. י. 2, 1926.

מ. רינג — דימאָוו'ס נייע שטיק אין שילדקרויט'ס טעאַטער, „פרייהייט", 29 יאַנ. 1926.

דר. א. מוקדוני — צוויי טראַגעדיעס, „מאָ"זש", נ. י. 5 מערץ 1926.

אַלטער עפּשטיין — „יאָשקע מוזיקאַנט" אין שילדקרויט טעאַטער, „טאָג", 5 מערץ 1926.

וויליאַם אייבראַמס — אַ שיינע מעשה'לע שלעכט געשפּילט, „פרייהייט", 5 מערץ 1926.

אב. קאַהאַן — „מענשען-שטויב", די נייע פּיעסע פון אָסיף דימאָוו, „פאָרוו.", 5 אַפּריל 1927.

ל. קעסנער — שוואַרץ און בן-עמי'ס פּסח פּיעסען, „יידטג"בלט", נ. י. 1 אַפּריל 1927.

דר. א. מוקדוני — דזשעז אהן איינזעהעניש, „מאָ"זש" 1 אַפּריל 1927.

ב. באָטווינניק — צוויי נייע פּיעסען אין שוואַרץס טעאַטער, „דער וועקער", נ. י. 9 אַפּריל 1927.

ב. באָטווינניק — נאָכאַמאָל וועגען אָסיף דימאָוו'ס „מענשען שטויב", דאָרט, 16 אַפּריל 1927.

הלל ראָגאָף — דריי יובילאַרן, „צוקונפט", יוני 1927.

דר. מיכאל וויכערט — די טעאַטער-וועלט אין בערלין — „ליט"בלט", 21, 1929.

י. מ. נ. — טעאַטער-נאָטיצען, „היינט", וואַרשע, 24 נאָוו. 1929.

אברהם טייטעלבוים — טעאַטראַליאַ", וואַרשע 1929, זז. 69-77.

פּיאָטר פּילסקי — אָסיף דימאָוו, „ליט"בלט" 44, 1929.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו", זז. 417-8.

דינגאָל, ס.

געבוירן 19 פעברואַר 1886 אין ראָהאַטשאָוו, מאָהיל. גוב. אוקראַאינע, אין אַ חסידיש-לומדישער פאַמיליע, געלערנט אין ווילנע און דערנאָך אין בערן. וואוינענדיק אין 1908 אין לאָנדאָן, האָט ד. דאָרט אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיגקייט דורך שרייבן קאָרעספּאָנדענציעס אין דער יידישער פּרעסע, דאַן רעדאַקטירט איניקע זשורנאַלן אין לאָנדאָן און זייט 1916 זיך באַזעצט אין אַמעריקע, וואו ער איז רעדאַקציע-מיטאַרבעטער אין דער אָרטיקער יידישער פּרעסע. זייט 1920 — מיט-רעדאַקטאָר אין ניו-יאָרקער „טאָג".

ד. שרייבט טעאַטער-קריטיק און האָט פאַרפאַסט (1920) „דער נדר", מוזיקאַלישע דראַמע, און (1922) „פרעמד בלוט", אַ דראַמע פון יידישן לעבן אין אַמעריקע.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 697-8.

דינמאַן [דילמאַן], שמחה

[געב.... געשט....]

לויט יצחק ליבערסקאָ איז ד. געווען אַ לעמבערגער און ווען גאָלדפאַדען האָט זיך געגויטיקט אין אַ טענאָר, האָט מען געשיקט קיין בוקאַרעסט צוקערמאַנען, וועלכער האָט אים, אַלס געוועזענעם משורר, געבראַכט אין דער טרופּע. אַלס זינגער איז ד. געווען אויסגעצייכנט און האָט ממש באַצויבערט דעם עולם, אָבער אַלס שוישפּילער פלעגט ער באַקומען לאָמפּן-פיבער און האָט דעריבער נאָך אַ קורצער צייט פאַרלאָזט די בינע.

זיגמונט מאָגולעסקאָ דערציילט אין זיינע זכרונות („פאָרוו." 1906) אַז „ד. האָט געזונגען צוזאַמען מיט אים ביים חזן קופּער, און דערנאָך שטודירט צוזאַמען אין קאָנסערוואַטאָריע, וואו זיי האָבן באַקומען אַ פאָרשלאַג זיך צו שמדן און אריינצוטרעטן אין רומעניש טעאַטער. ד. האָט געהאַט אַ קאַרוזאָ-שטים. רייך, פול מיט מעטאַל און מיט זיסקייט, עס איז פּשוט געווען אַ זעלטנקייט. ווען

ער וואָלט געבליבן אויף דער אָפּערן-בינע, וואָלט מיט אים די וועלט געקלונגען".

לויט צעזאַר גרינבערג האָט ד. נישט געהייסן דינמאַן, נאָר דילמאַן. גאָלדפאַדען האָט פאַר אים ספּעציעל געשריבן אַ ראָל אין „ניע בע, ניע מע". ד. האָט געשפּילט אייניקע חדשים ביי גאָלדפאַדענען, נאָר ער איז געווען אַנטוישט, האָט פאַרלאָזט די בינע און איז אַוועקגעפאָרן שטודירן מוזיק אין ווין, וואו ער איז שפּעטער געוואָרן אַ קאַנטאָר.

מ. ע. פון יצחק ליברעסקאָ און צעזאַר גרינבערג.
ב. גארין — „געש. איד. טעאַט." I, זז. 182-3.

דינעזאָן, יעקב

[געב. 1856 — געשט. 29 אויגוסט 1919]

געבוירן 1856 [לויט J. E. — 1859, לויט „ספר זכרון" — 1852 - תרכ"ב] אין ניי-זאַגער, קאָוונער געגנט, ליטע, אין אַ מיוחסדיקער פאַמיליע. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-יידישע דערציאונג. פון דער פריסטער קינדהייט אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צום שרייבן. נאָכן פאָטערס טויט, אויפגעצויגן אין מאָהילעוו ביים דניעפּר ביי זיינעם אַ פעטער, און דאָרט ביז 16 יאָר געלערנט אין ישיבה, דערנאָך אין בית-המדרש פון ר' שמעון צוקערמאַן. ביים לעצטן אין שטוב זיך באַקענט מיט דער העברעאישער השכלה-ליטעראַטור און מיט דער רוסישער און דייטשער שפּראַך.

זיין ליטעראַרישע קאַריערע האָט ד. אָנגעהויבן מיט בריוו און אַרטיקלען אין „המגיד" און „המליץ" און אין 1876 פאַרעפנטלעכט אין יידיש בראָשורן אויף באַארבעטע נאַטורוויסנשאַפטלעכע טעמעס.

דורך זיינע שפּעטערדיקע ראָמאַנען איז ד. געוואָרן איינער פון די זיילן פון דער יידישער מאָדערנער ליטעראַטור און זייט 1887 דער אינטימסטער פריינט פון י. ל. פרץ.

ד. האָט אויך אָנגעשריבן אַ פּיעסע, וועלכע ער זאָל האָבן — לויט ציטראָנען — צעריסן. לויט נחמן מייזיל, געפינט זיך צווישן ד.'ס איבערגעבליבענע מאַנוסקריפּטן אַ דראַמע אָן אַ שער-בלאַט.

ד. האָט זיך קריטיש באַצויגן צום גאָלדפאַדענישן טעאַטער, בפרט צו דער שפּעטערדיקער פאַרפלייצונג פון „היסטאָרישע" פּיעסן און האָט וועגן דעם אין זיין צייט אָפּגעדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען, וועלכע זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן א"נ „דאָס יודישע טעאַטער" (געדאַנקען און ערֿאינערונגען) אין זיין בוך „זכרונות און בילדער", פאַרלאַג „אחיאסף", וואַרשע, 1928 (זז. 44-211).

ד. איז אויך געווען אין וואַרעמע באַציאונגען מיט פיל יידישע אַקטיאָרן פון זיין צייט, באַזונדערס אָבער מיט אברהם גאָלדפאַדען, וועלכן ער האָט געהאָלפן פאַרקויפן זיינע ווערק צו פאַרלעגער. אַ גרעסערע קאָרעספּאָנדענץ צווישן ביידן (די בריוו פון גאָלדפאַדען צו ד. פאַר די יאָרן 1890-1897 און 1903) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך נחמן מייזיל אין „די יידישע וועלט", וואַרשע, IV, 1928.

דינעזאָנס ראָמאַן „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" איז דראַמאַטיזירט און אויפגעפירט געוואָרן.

אַ פראַגמענט פון ד.'ס „יאָסעלע" איז דראַמאַטיזירט געוואָרן אַלס „יאָסעלע אין חדר" פון ש. גלאַזערמאַן און געדרוקט געוואָרן אין „אידישע צייטונג", ב. א., 8 סעפּט. 1926.

ד. איז דעם 29טן אויגוסט 1919 געשטאָרבן אין וואַרשע און אין 1925 איז אויף די קברים פון ד., פרץ און אַנסקי געשטעלט געוואָרן דער „אוהל פרץ" פון סקולפּטאָר אָסטשעגאַ.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 699-710.
ש. ל. ציטראָן — „דריי ליטעראַרישע זכרונות" I, זז. 56-104, 45.
נחמן מייזיל — וואו איז דער ריכטיקער אַדרעס? „ליט"בל", 78, 1925.
יעקב דינעזאָן — „זכרונות און בילדער", וואַרשע 1928, זז. 44-211.
נ. אויסלענדער, ד. וואָלקענשטיין, נ. לוריע, ע. פינינבערג — „אידישע ליטעראַטור", קיעוו 1928, I, זז. 61-154.

דיק, אייזיק (יצחק) מאיר

[געב. 1807 [1813-14?] — געשט. 24 יאַנואַר 1893]

געבוירן 1807 [לויט פנחס קאָן — 1813-14] אין ווילנע, פּויליש-ליטע. דער פאָטער איז 40 יאָר געווען חזן אין זאַווילס שול, אָבער פּרנסה האָט ער געצויגן פון תבואה-האַנדל אין וועלכן דער יונגער אייזיק-מאיר העלפט אים אַרויס. דערצויגן אויף גמרא, באַקענט זיך ד., זיצנדיק אין ניעסוויזש אויף קעסט ביי שווער און שוויגער, מיט אַ גלח, וועלכער לערנט אים בשתיקה דייטש. שפּעטער לערנט אויך ד. רוסיש און פּויליש. סוף פון די 30-ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט באַזעצט ער זיך מיט זיין פאַמיליע אין ווילנע און נעמט זיך מיט התמדה צו בילדונג. געצויגן חיונה אַלס העברעאישער לערער, האָט ד. גענומען אַן אַקטיווען אנטייל אין דער השכלה-באַוועגונג (איז דערפאַר אפילו דורך אַ מסירה, געווען אַרעסטירט) און איז מיט דער צייט געוואָרן דער ראש המדברים אין קרייז פון משכילים.

לויט ש. ניגער האָט ד. אָנגעהויבן שרייבן סוף פון די 30-ער אָדער אָנהייב 40-ער יאָרן, בעת זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין יידיש האָט ער — לויט ז. רייזען — אָנגעהויבן ערשט אין די 50-ער יאָרן.

„אין דער אידישער ליטעראַטור פון דער השכלה-עפּאָכע פאַרנעמט דיק דעם אָנגעזעענסטן אָרט, אויב ניט לויט די קינסטלערישע מעלות זיינע, איז צוליב זיין פּראָדוקטיוויטעט. זיינע ווערק זיינען געווען די ערשטע וועלטלעכע ביכער אויף יידיש, וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַן אויסערגעוויינלעך גרויסער צאָל עקזעמפּלאַרן און האָבן געשאַפן אַ מאַסנלעזער פאַר די ניימאָדישע וועלטלעכע מעשה-ביכלעך אין יידיש" [ז. רייזען].

אין 1887 איז אין ווילנע דערשינען ד.'ס באַאַרבעטונג פון פרידריך שילערס „קאַבאַלע און ליבע" א"נ „דער פאַרמאַסקירטער פּראַנץ, דאָס הייסט אַזוי איין פּראַנט וואָס וואר אים אַרונטער געריסען דיא ערליכע מאַסקע זיינע (דיא צבויאַטצווע) נאָך בעפאָר ער האָט אוים געשפּילט זיינע גרויסע ראָלע דיא פאַלשע וואָס ער האָט גיוואָלט אוים פירין, אונ עס קומט דאָ פאָר אַלס איין טהעאַטער, אָדער לוסט שפּיל. בעאַרבייט נאָך שיללער מאת אמ'ד [אין רוסיש געדרוקט: דראַמע פון א. מ. דיק], ווילנע שנת תר"מד לפּק 104 ז. [16°].

די פּיעסע איז קיינמאָל ניט אויפגעפירט געוואָרן.

יצחק ליברעסקאָ דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ער האָט פון ד.'ס קליינער דערציילונג „די צוויי קליינע קאַטערינשטשיקעס" געמאַכט אַ פּיעסע אין 4 אַקטן א"נ „די דערפילטע ליבע", וועלכע איז בערך 1878-79 אויפגעפירט געוואָרן אין יאַסער פּאַמול ווערדי.

דעם 24 יאַנואַר 1893 איז ד. געשטאָרבן אין ווילנע.

ז. רייזען—„לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 711-734.
פּ. קאָן — ווען איז געבוירן געוואָרן אייזיק-מאיר דיק, „פילאָלאָגישע

שריפטן“, צווייטער באַנד, ווילנע 1928, זז. 329-344, דריטער באַנד, ווילנע, 1929, זז. 616-617.

ש. נ. — צו דער פראַגע וועגן א. מ. דיקס געבורטסיאָר, „פנקס“, נ. י., I, העפט 4, זז. 380-82.

ש. ניגער — ווען האָט א. מ. דיק אָנגעהויבן שרייבן יידיש?, „פנקס“, I, העפט 4, זז. 289-93.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג“, ווילנע, 1928, זז. 39-40.

ש. ניגער — די ערשטע ווערק פון א. מ. דיק, „פנקס“, נ. י., II, העפט 1, זז. 1-9.

דיקשטיין, סאול



געבוירן נאָוו. 1890 אין סעקורען, בעסאַראַביע. פאָטער — קליינהענדלער. געלערנט אין חדר און שול. 1903 — געקומען מיט זיינע עלטערן אין פילאַדעלפיע, אַמעריקע, וואו ער איז באַלד אַריין אין קאָלומביאַ-טעאַטער אַלס סטאַטיסט, ראָלן-שרייבער און קאָסטיומער.

1904 — אָנגעהויבן שפּילן ראָלן אין זעלבן טעאַטער און עטלעכע סעזאָנען שפּעטער געוואָרן דירעקטאָר פון קאָלאָמביאַ-טעאַטער מיט מאָרים שוואַרץ אַלס שותּף.

דאָ איז ד. אויך געווען אַ מיטגרינדער פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע (לאָקאַל 6, אַמעריקען פעדערייִשאָן אָף לייבאָר), וועלכע האָט זיך שפּעטער פאַראייניקט מיט לאָקאַל 5.

1909 — געקומען אין ניו-יאָרק און געשפּילט אין פאַרשיידענע וואַריעטע-הייזער, 1911 — דירעקטאָר פון אָדעאָן-טעאַטער אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע. דערנאָך מענעדזשער פון אַדלער, קעסלער און טאָמאַשעווסקי, בעת זייערע גאַסטשפּילן איבער דער פּראָווינץ.

1916 — מענעדזשער פון דער רוסישער וואַנדער-טרופּע מיט סערע אַדלער.

1924 — געהאַט אין ניו-יאָרק אַ בוקינג-אָפיס פאַר דער פּראָווינץ.

1925 — חתונה געהאַט מיט ראָזעטאַ יעגער און זייט דאַמאָלט מיט איר געשפּילט איבער דער פּראָווינץ.

1929 — מענעדזשער פון [ניט-יוניע] גיבסאָן-טעאַטער אין פילאַדעלפיע.

ד. האָט אָנגעשריבן די פּיעסען: „מזל-טוב יידעלעך“, „חסידישע יענקעס“, „די גרויסע שמחה“, „דאָס שטיפקינד פון פוילן“ און „דער גרויסער קיביצער“, וועלכע זיינען אַלע געשפּילט געוואָרן אין זיין אייגענער טרופּע. ער האָט אויך געשריבן אַרטיקלען איבער טעאַטער אין דער פילאַדעלפיער „די אידישע וועלט“.

ש. ע. דורך שרה קינדמאַן.

דעל, הערי א.

[דאַלעטיצקי, אהרן]

געבוירן דעצ. 1895 אין מיקאַלייווע, ווילנער גוב., פּויליש-ליטע. געלערנט אין חדר און אין עלטער פון 10 יאָר געקומען צו זיין פאָטער אין אַמעריקע, וואו ער ענדיקט פּאַבליק סקול, דערנאָך אַרבעט ער בייטאָג אין אַ געשעפט און באַזוכט אַן אָוונט-היי-סקול.

אין 1913 אָרגאַניזירט א מוזיקאַליש-ליטעראַרישע גרופּע, דערנאָך איינגעאָרדנט קאָנצערטן. אין 1926 אַרויסגעגעבן „טעאַטער און קונסט, האַלב-יעהרליכער אילוסטרירטער

זשורנאַל, געווידמעט צו טעאַטער, מוזיק און אַלע אַנדערע צווייגען פון קונסט“ [54 זייטן יידיש + 12 זייטן ענגליש, זשורנאַל פאָרמאַט] און אין אַפּריל 1927 דעם צווייטן נומער פון זעלבן זשורנאַל [162 זייטן, זשורנאַל-פאָרמאַט].

מ. ע.

דעמאָנט, וואָלף

[געב. בערך 1830 — געשט. 21 אָקטאָבער 1897]

געבוירן בערך 1830 אין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע, אין אַן אָרעמער פאַמיליע. אויפגעוואַקסן אין דער סביבה פון יוסף פּערל און מיט גרויס התמדה זיך אָפּגעגעבן צו בילדונג. 6 יאָר געווען לערער אין דער יוסף פּערל-שול אין טאַרנאָפּאָל, דערנאָך איינגעלאַדן געוואָרן קיין בראָדי, וואו ער איז געווען אין דער אָרטיקער יידישער שול 42 יאָר לערער פון פּויליש, קאַליגראַפיע, צייכנען און געזאַנג.

ד. האָט געשריבן, דערהויפּט שירים, אין דייטש, העברעאיש, פּויליש און מיט באַזונדערער ליבע אין יידיש. ד. איז דער פאַרפאַסער פון אַ קאָמעדיע „דער כל-בוניק“.

דעם 21 אָקטאָבער 1897 איז ד. געשטאָרבן אין בראָדי.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט“ I, זז. 737-38.

דעמביצער, יואל-דוד

[געב. 16 מאַי 1886 — געשט. 30 אַפּריל 1924]

געבוירן 16 מאַי 1886 אין קראָקע, מערב-גאַליציע. פאָטער — ממלא-מקום פון קראָקעווער אב בית-דין. באַקומען אַ שטרענגרעליגיעזע דערציאונג. געשמט אַלס תלמיד-חכם און חריף. צו 18 יאָר באַקומען התר-הוראה און צו 20 יאָר געזאָלט ווערן דיין.

אונטער דער השפּעה פון זיין יונגערן ברודער, פּסח, געקומען אין באַרירונג מיט דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, האָט ד. אָנגעהויבן זיך אָפּגעבן מיט וועלטלעכער בילדונג און פרעמדע שפּראַכן און האָט איינגיכן געמאַכט מאַטורע. שפּעטער זיך פאַראינטערעסירט מיט דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור און געאַרבעט אויף יידישע איבערזעצונגען פון גריכיש (די טראַגעדיעס פון עסכילאָס, האָמערס „איליאַדע“) און פּויליש („די „אימפּראָוויזאַציע“ פון מיצקעוויטשס „דזשאַדי“ א. א.).

ד. האָט מיט י. ראָטערסמאַן איבערזעצט אויף פּויליש אַנסקיס „דיבוק“ (קראָקע 1922), האָט געאַרבעט אויפן געביט פון יידישער פילאָלאָגיע און שפּעטער, אַלס מיטגליד פון „בונד“, געהאַלטן פאָרלעזונגען און געפירט אַרבעטער-קורסן אין קראַקע, וואו ער איז אויך אַ געוויסע צייט געווען סעקרעטאַר פון ראַבינער-סעמינאַר.

נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט איז ד. דעם 30 אַפּריל 1924 געשטאָרבן אין קראָקע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 739-40.

דענק, דוד

[צוויבעלשאַרף]

געב. 25 אַפּריל 1895 אין וויניצע, פּאָדאָלער גוב., אוקראַאינע. פאָטער — אַ מוזיקאַנט, וועלכער טראָגט זיך איבער אין 1900 קיין גאַליציע. דאָרט לערנט ד. אין אַ פּוילישער שול, און ווען די פאַמיליע פאָרט צוריק קיין רוסלאַנד, לערנט דאָרט ד. אין אַ רוסישער שול. דערנאָך וואַנדערט די פאַמיליע אויס קיין אַמעריקע, און דאָ קומט ד., צוליב זיין פאָטער און ברודערס באַשעפטיגונג אין טעאַטער, אין אַן ענגער באַרירונג מיט יידישע

אַקטיאָרן. ער באַקומט אַ חשק צו דער בינע, וואָס דריקט זיך אויס אין באַטייליקן זיך אין די פאָרשטעלונגען פון די בעסערע דראַמאַטישע קרייזן. נאָכן שפּילן אַ געוויסע צייט מיט די „ליבהאָבער" ווערט ד. אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר און האָט די געלעגנהייט אויף דער פּראָווינץ צו שפּילן מיט צילי אַדלער, בלאַנק, גנביל, דזשעני גאָלדשטיין, זאַץ, שוואַרץ, בעטי פרענק א. א.

1928 האָט ד. געשפּילט אַ קורצע צייט מיט דער „ווילנער טרופּע" אין בראָנקס, נ. י. און 1929-30 — אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן.

ד. האָט אויך אָנגעשריבן די פּיעסן „די פרוי, וועלכע גאָט האָט פאַרגעסן", „הינטער די גראַטעס פון לעבן", „אירע לעצטע טרערן" א. א., וועלכע ער האָט אַליין אויפגעפירט אין פאַרשיידענע פּראָווינץ-טרופּעס.

ש. ע.

דעססער, יאָזעף

[יוסף-חיים]

[געב. 1863 — געשט. 1924]

געבוירן 1863 אין בריגעל, גאַליציע. פאָטער — דיין אין טאַרנאָוו. געלערנט אין ישיבה, דערנאָך געוואָרן אַ בדחן איבער די קליינע שטעטלעך פון גאַליציע. אין אָסוויענצים באַקענט זיך ד. מיט אַ פאַמיליע טעאַטער-ליבהאָבער און פירט מיט זיי אויף „יוסף מיט די ברידער", שפּילנדיק די ראָל „יעקב".

1892 — אַוועק מיט זיין פרוי קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט געשפּילט עפּיזאָדן-ראָלן אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער און דערנאָך אין פּאַריז. 1893 — צוריקגעקומען אין לעמבערג און דאָ געוואָרן דער רעאָרגאַניזאַטאָר פון די באַנייטע „בראָדערזינגער-פאָלקזינגער", און אַלס דועטן-פּאָרל מיט זיין פרוי סאַלי בעשטענדיג יאָרן לאַנג געווען פּאָפּולער.

אין 1896 האָט ד. צום ערשטן מאָל מיט קאָנער געשפּילט יידיש וואָדעוויל. אין 1900 איז ד. געווען 2 סעזאָנען ביי ווערטהיימער אין בודאַפּעסט, דערנאָך אין ווינער „ביים גאָלדענעם ווידער" געשפּילט אין אַ יידישער טרופּע מיט זיבל און אַדאָלף מעלצער, שפּעטער אַ סעזאָן אין וואָדעוויל.

האָבנדיק אַ קאָנצעסיע פאַר יידיש-דייטש וואָדעוויל פירט ג. דערנאָך קליינע טרופּעס צוזאַמען מיט זיין צווייטער פרוי קלאַראַ דעססער.

אין 1924, קומענדיק שפּילן אין סאַמבאָר, גאַליציע, איז ד. פּלוצלונג געשטאָרבן.

ש. ע. פון זיין זון מנחם דעססער.

דעססער, עמאַנועל

געבוירן 23 אַפּריל 1893 אין לעמבערג, גאַליציע. עלטערן — די אַקטיאָרן יוסף דעססער און סאַלי בעשטענדיק. געענדיקט אין לעמבערג 4 קלאַסן גימנאַזיע. זייט 1912 ביז צום אויסבראָך פון דער מלחמה אַרומגעפאָרן מיט אַ גרופּע פאָלקסזינגער. 1916-18 — דירעקטאָר און מיטווירקער פון אַ דייטש וואַריעטע איבער גאַליציע, 1918 — אַריינגעטראָטן אַלס קאָנצעסיאָנער אין עבעלס טרופּע, וואו ער דעביוטירט אַלס „יאַפּע" אין גאָרדינס „קעניג ליר". 1928 — סופלער אין גימפּעלס טרופּע אין לעמבערג.

ש. ע.

דעססער, קלאַראַ

[קיילע טויבע]

געבוירן 1882 אין גזשיבי, גאַליציע. פאָטער — אַ סוחר, מוטער — אַ פּערלהענדלערין אויף ירידים. ברידער — מוזיקאַנטן. נאָך דער חתונה אין 1905 מיט יאָזעף דעססער, געוואָרן אַ זינגערין און באַטייליקט זיך אין יידישע וואַריעטע-פאָרשטעלונגען. ד. פלעגט אַרומפאָרן מיט אייגענע טרופּעס צוליב דער קאָנצעסיע אויף איר מאַנס נאָמען.

ש. ע. פון מנחם דעססער.

דראַבקין, דזשאָזעף

געב. 15 מאַי 1885 אין האָמעל, ווייס-רוסלאַנד. אין דער פריסטער יוגנט געקומען אין אַמעריקע, און אין 1907 געוואָרן מענעדזשער פון יידישע טרופּעס אין קאָנעטיקוט סטייט, ברייענגענדיק אַהין אויך אַלס גאַסטראָלערן מאָגולעסקאָ, קעסלער, אַדלער, ליפּצין, מאָשקאָוויטש, א. ר. קאַמינסקי, טאָמאַשעווסקי, בעסי טאָמאַשעווסקי, פּראַגער, יאָוועליר, בלאַנק, דזש. נאַטאַנסאָן, זאַץ, פּיקאָן, גנביל, דזשעני גאָלדשטיין, שוואַרץ, גאָלדענבערג און די גערמאַנס. זייט 1919 — בלויז מענעדזשער פון די יידישע פאָרשטעלונגען אין ניו-הייווען, קאָנעטיקוט סטייט.

ש. ע.

דראָזדאָוויטש, [?]

האָט אין מערץ 1887 צוזאַמען מיט אַדלערן און מיט עטלעכע שותפים געעפנט דאָס מעדיסאָן סטריט-טעאַטער אין שיקאַגאָ, וואו אַדלער האָט אויפגעפירט „אוריאל אַקאָסטאַ", „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאַ" און „משוגענע אויס ליבע".

שפּעטער איז ד. נאָך געווען איניקע יאָר מענעדזשער ביים יידישן טעאַטער.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." II, ז. 51.

דראַנאָוו, נאַדיאַ

[גנעסיע מייטום]

געבוירן 27 סעפּט., 1889 אין אָדעס, אוקראַינע. פאָטער — באַשעפטיקט ביים טעאַטער און צוליב דעם האָט ד. געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן נאָך אַלס קינד. 1904 — געוואָרן אַ כאָריסטקע אין דער טרופּע קאַמינסקי-סאַבסיי אין אָדעס, 1905 — אנגעהויבן שפּילן ראָלן אין דער טרופּע ספּיוואַקאָווסקי-סעם אַדלער א"נ „נאַדינאַ", 1906-7 — ביי פּישזאָן. נאָך דער חתונה מיט נאַטאַן דראַנאָוו געשפּילט צוזאַמען מיט אים אין די טרופּעס פון קאַ-

מינסקי, ראפעל, זאנדבערג, יוליוס אדלער און ה. סיעראצקי. בעת דער מלחמה ארומגעפארן מיט איר מאן איבער רוסלאנד. 1917-22 — געשפילט אין דער קאאפעראטיווער טרופע אין כארבין, פון דארט אוועק קיין אמעריקע, וואו זי ווערט אין 1923 אריינגענומען אין דער יוניע און שפילט ביז 1927 אין פילאדעלפיער ארטש סטריט טעאטער, 1927-9 — אין ניו-יארקער פאבליק טעאטער און 1929-30 אין שיקאגער לאנדייל טעאטער.

אמפלוא — כאראקטער-שוישפילערין.

ש. ע. פון הערש קושטשינסקי.

מעפיסטאפעל — טעאטראלנע נאטיצען — „טעאטער-וועלט“, ווארשע, 13, 1908.

יעקב קירשענבוים — נייע פנים'ער אויף אונזער ביהנע, „מא“זש“ 25 נאוו. 1927.

דראנאוו, נאטאן

[ניסן]

[געב. בערך 1884 — געשט. 20 סעפט. 1920]

געבוירן בערך 1884 אין פונדאקלעוועקא, קיעוו. גוב., אוקראאינע, ביי פרומע עלטערן. געלערנט אין חדר, ישיבה און געזונגען ביי ניסן בעלזער.

אין עלטער פון 18 יאר אנטלאפן פון דער היים מיט קאסטעלאנים איטאליענישער וואנ-דער-אפערע טרופע, וואו ד. איז צוערשט גע-ווען סופלער, דערנאך סאליסט אין כאר, צו-ציענדיק אויפמערקזאמקייט צו זיין שיינער באריטאן-שטים.

נאכן ארומפארן איניקע יאר מיט דער טרופע, האט אים די דירעקציע ארויסגעשטעלט א פאדערונג זיך צו שמדן. ד. ווארפט אפ דעם פארשלאג, טרעט ארויס פון דער טרופע און גייט ארי-בער אין סאבסיים יידישער טרופע, וואו ער טרעט אויף אין ליב-האבער-ראלן.

זייט דאמאלט שפילט ד. אין די וויכטיקסטע יידישע טרופעס פון רוסלאנד און פוילן, איבערגייענדיק פון ביליקן אפערעטן-און מע-לאדראמאטישן- צום ריינעם דראמאטישן און אפערעטן-רעפערטואר. אזוי ווערט ד. זייער פאפולער אלס „אוריאל מזיק“ אין גארדינס „גאט, מענטש און טייוול“, „אפאלאן“ אין גארדינס „סאפא“, „אליעזר“ אין סקריבס „זשידאווקא“, „יאנקל שאפשאוויטש“ אין אשס „גאט פון נקמה“, „דע סילווא“ אין גוצקאווס „אוריאל אקאס-טא“, „מנוח“ אין „שולמית“, „אליעזר“ אין „בר כוכבא“, „אברהם“ אין „עקדת יצחק“ און „דר. יאזעלמאן“.

אין פעריאד ווען די יידישע בינע אין פוילן הייבט אן שפילן דעם נייעם אריגינעלן און איבערזעצטן רעפערטואר, איז ד. איינער פון די אוואנגארד-שוישפילער און שאפט אויסגעצייכנטע טיפן פון „מאיר שאלאנט“ אין שלום עליכםס „צעזייט און צעשפרייט“, „בענ-דעט“ אין אשס „דער לאנדסמאן“, „לארד מעלוויל“ אין „קין“ א. א.

ד. איז געווען אין רוסלאנד-פוילן פארעכנט פאר איינעם פון די טאלאנטירטסטע און פארשטענדיקסטע יידישע שוישפילער און האט פארמאגט א באזונדערע אייגנשאפט צו צייכנען די טיפן און כאראקטערן, וועלכע ער האט פארגעשטעלט אויף דער בינע, איבערהויפט מיט זיין אימפאזאנטער האלטונג. אויסער דעם איז ער געווען באשאנקן מיט א ריינער דיקציע און א פרעכטיק העלע באריטאן-שטים.

צוליב אן אומהיילבארער קראנקהייט ווערט ד. טויב אויף אן אויער און ער מוז ארויסטרעטן נאר אין שוין איינשטודירטן רע-

פערטואר, באזונדערס אין זיינע פאפולער-געווארענע דראמאטי-שע עטיודן: „דער משוגענער אין שפיטאל, דראמאטישער עטיוד אין 1 אקט בעארבייט [נאך גאגאל] און געשפילט פון נ. דראנאוו, ווארשא, תר“סט“ [13 ז. °32], אויך דערשינען ביי מאקס נ. מייזעל, ניו יארק [7 ז. °16], „די נאכט פון זעלבסטמארד אדער וואס איז דער ציעל פון לעבען?, דראמאטישער עטיוד אין איין אקט, באארבייט פאר דער יודישער ביהנע פון דעם בעוואוסטען ארטיסט נ. דראנאוו, ווארשא תר“עד“ [14 ז. °32].

דידאזיקע איינאקטערס זיינען אין זייער צייט געווען דער יסוד-רעפערטואר פון די פארשיידענע ליבהאבער-קרייזן, אויך פיל אק-טיארן האבן געהאט זייער פייערפרוב אין דידאזיקע איינאקטערס.

ביים אויסבראך פון דער וועלט-מלחמה געפינט זיך ד. אין מינסק, וואו ער איז דירעקטאר פון א טרופע און שפילט דיומאס „קין“, [איב. זלמן זילבערצווייג]. דערנאך וואנדערט ד. איבער פארשיידענע שטעט פון רוסלאנד ביז ער קומט אן אין 1917 אין כארבין. אויפן וועג ווערט ער בארויבט, צוליב וואס ער באקומט א נערוון-דערשיטערונג און נאכן ליגן 3 יאר אין שפיטאל פאר נערוון-קראנקע שטארבט ער אין כארבין דעם 20 סעפטעמבער 1920.

מ. ע. פון זיין פרוי נאדיא און ש. ע. פון הערש קושטשינסקי.

נ. י. — אין טעאטער „עליזעאום“, „טעאטער-וועלט“, ווארשע 3, 1908.

נח פרילוצקי — „יידיש טעאטער“ II, ז. 93.

בארים טאמאשעווסקי — אינטערעסאנטע אידישע שוישפילער אין אדעס, „פארוו.“ 7 דעצ. 1913.

מ. ב—ן — אידישער אקטיאר דראנאוו געשטארבן אין כארבין, „פארוו.“ 19 נאוו. 1920.

דרייבלאט, פאולא

[פערל שנייער]

געבוירן 17 דעצעמבער 1891 אין קאראפיעץ, גאליציע. פאטער — א פאסעסאר. 1908 — אוועק קיין ווין, און א יאר שפעטער חתונה געהאט מיט א טענצער. א קורצע צייט דער-נאך זיך באקענט מיטן קאמיקער מאקס שטרענג, וועלכער נעמט זי ארויף אויף דער בינע פון יידישן טעאטער אויף טאבאר שטר. 12. נאך דער וועלט-מלחמה פארט ד. מיט שטרענג אויף גאסטראלן איבער רומעניע, פראנקרייך, טראנסילוואניע און סלאוואקיע, שפעטער באטייליקט זיך ד. אין די גאסטראלן פון מאלי פיקאן אין ווין, און אויך אלס „מאכלע“ אין פילם „מזרח און מערב“.

נאכן באזוכן די דראמאטישע שול פון דיר. ווילאנד גרינדעט ד. צוזאמען מיט שטרענג א יידיש טעאטער אין ווין א“נ „יודיש קינצלער קאבארעט“ (פראטער שטר. 60), וואו זי שפילט 3 יאר. ד. האט זיך אויך באטייליקט אין די ערשטע פארשטעלונגען פון „פרייע יידישע פאלקסבינע“ אין בירגער און קארל-טעאטער. 1928— געשפילט אין יידישן טעאטער רעקלאם אין ווין.

אמפלוא — כאראקטער-ראלן.

ש. ע. פון מלך הערשקאוויטש.

דרייזינאַ, עמאַ

געבוירן 20 יולי 1904 אין מינסק, ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַ פּלאַן-צייכנער, מוטער — אַ שניידערין. געענדיקט גימנאַזיע און נאָך אַלס שילערין זיך באַטייליקט אויף רוסיש אין די שול-פאָרשטעלונגען. 1920 — אַריינגעטראָטן אין אַ רוסישער טעאַטער-סטודיע אין מינסק. 1921 — זיך באַטייליקט אין די יידישע פאָרשטעלונגען, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַ גרופּע ליבהאָבער-סטודענטן א"פ פון מ. ראַפּאַלסקי. 1922 — אַריינגעטראָטן אין דער ווייסרוסלענדיש-יידישער מלוכה-טעאַטער-סטודיע אין מאָסקווע (אָנפירונג מ. ראַפּאַלסקי) און ווען די סטודיע ווערט אין 1926 פאַרוואַנדלט אין ווי"מט גייט ד. אויטאָמאַטיש איבער אין פּערסאָנאַל פון דאָזיקן טעאַטער.

ש. ע.

דרייקורס, לעאָן

געבוירן 4 פעברואַר 1894 אין לעמבערג, גאַליציע. פון דער מוטערס צד — פון דער אַלטגעזעסענער לעמבערגער פאַמיליע בר"דך, דער פאָטער — אַן איינגעוואַנדערטער פון זיבנבירגן. פון 5 יאָר אָן געלערנט אין חדר און גלייכצייטיק באַזוכט אַ פאָלקסשול, דערנאָך די גימנאַזיע און דאָרט זיך דערנענטערט צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. 1912-14 — געדרוקט אַנאָנים אין די יידישע סאָציאַליסטישע וואָכנבלעטער לידער, וועלכע ווערן טיילווייז געזונגען נאָך עד היום. 1914-18 — געדינט אין דער עסטרייכישער אַרמיי, דערנאָך געווען אַ פּאָסט-באַאַמטער און זייט 1921 געוואָרן ליטעראַריש טעטיק.

ד. וואַנדערט אויס קיין טשעכאָ-סלאָוואַקיע, וואו ער ווערט איינער פון די גרינדער פון דאָרטיקן יידישן טעאַטער און שפּילט דאָרט 2 יאָר אין דער דראַמע און אין דער אָפּערעטע.

ד. האָט אָנגעשריבן אַ ראָמאַן פון טעאַטער-לעבן „קוליסן" (פ"ג ח. בזשאָזא, וואַרשע, 1927, 320 ז. 16°) און צוויי דראַמען „אין ראָד" און „קרח".

ז. רייזען — „לעק. ייד. ליט.", I, זז. 751-2.
אלחנן צייטלין — רעצענזיעס, „ליט"בל", 22, 1927.

דרימער, ה.

געבוירן 20 דעצ. 1883 אין גאַליציע. דערצויגן אין בוקאָווינע אויף תלמוד און דער דייטשער קולטור. צו 16 יאָר אַוועק קיין ווין, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, אַריינגעצויגן אויך אין קרייזן פון פאַרברעכער. שפּעטער אַרומגעוואַנגלט מיט יידישע טרופּעס איבער גאַליציע און בוקאָווינע. אין 1907 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

זייט 1902 טעטיק שריפטשטעלעריש. 1915 האָט ד. פאַרעפנטלעכט אין „דאָס אידישע פאָלק" אַ פיר-אַקטיקע דראַמע „זלמן גאַנואַר", אין די „שריפטן" VII — דעם איינאַקטער „די האַנט" און דעם ערשטן און לעצטן אַקט פון אַ סימבאָלישער דראַמע „איבער אַלע בערג" און אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם די דראַמע „מדבר" (פ"ג „אַמעריקע", געדרוקט אין וואַרשע 1923, [93 ז. 16°].)

ד. איז אַ געוויסע צייט געווען יידישער און ענגלישער „פּובליסיטי

מען" אין „אוירווינג פּלייס קונסט-טעאַטער" און אויך אין אַנדערע יידישע און ענגלישע טעאַטערס.

מ. ע. פון יעקב מעסטעל.

ז. רייזען — „לעקס ייד. ליט." I, זז. 753-4.

„האור"

אין 1921 [לויט ש. י. דאָרפזאָהן — 1920] איז, אויף דער איניציאַטיוו פון זכריה פראַנצאָז, יצחק מעסטעל און שלמה פּריזאַמענט, אַנטשטאַנען אין טשעכאָסלאָוואַקיע די טרופּע „האור".

„די כונה פון די איניציאַטאָרן איז — לויט ש. י. דאָרפזאָהן — געווען אַן ערנסטע. זיי זיינען געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן דער אידעע פון שאַפן אַ לייטישע טעאַטער-געזעלשאַפט. נעמענדיג אין אַכט, אַז דאָס יידישע טעאַטער-פעלד אין טשעכיע איז לגמרי פאַרוואָרלאָזט, מוז דער עקספּערימענט זיך צופּאַסן צו די באַדערפנישן און גייסטיקן ניוואָ פונם יידישן טעאַטער-עולם. רעכענענדיק זיך מיט אָט דעם אומשטאַנד, האָט מען געמוזט צוזאַמענשטעלן אַזאַ מין רעפּערטואַר, וואָס זאָל געבן די גאַראַנטיע פאַר אַן עקזיסטענץ פון דעם דאָזיקן טעאַטער.

„די געזעלשאַפט איז באַשטאַנען בסך הכל פון 12 מיטגלידער. [לויט יצחק מעסטעל איז די געזעלשאַפט באַשטאַנען פון: שלמה פּריזאַמענט, יצחק מעסטעל, זכריה פראַנצאָז, לייביש דרייקורס, רעגינאַ געלבערט, י. אַלטער, פר. פעלץ, בעלמאַן, ראָזנער, בערגמאַן, און שפּעטער זיינען צוגעקומען: אַדאָלף מעלצער, שרה קאַנער, משה און סאַלטשע וויינבערג, ווייל, ערליכמאַן און פר. פאַליפּאַדע]. די ערשטע פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין פּרעסבורג [לויט יצחק מעסטעל — אין בראַטיסלאַוואַ, טשעכאָסלאָוואַקיע, מיט י. גאָרדינס „דער ווילדער מענש"] אין פּורים-צייט פון יאָר 1920 [1921?] אין אַ גרויסן רעסטאָראַציע-זאַל און האָט געגעבן אַ שיינע הכנסה — דערפאַר אָבער גאָר אַ שלעכטע רעפּוטאַציע פאַרן יידישן טעאַטער, וואָס האָט זיך שלעכט אָפּגערופן אויך אויף דעם קומענדיקן טורנעע".

די טרופּע האָט דערנאָך געשפּילט אין אונגוואַר, מונקאַטש און אין אַנדערע שטעט פון טשעכיע און קאַרפּאַטן-רוס. דער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון: „דער ווילדער מענטש", „אחשורוש", „שולמית", „עקדת יצחק", „קוני לעמל", „דער גולם" (פון ש. פּריזאַמענט און א. מייזעלס), „דער בטלן", „הערצעלע מיוחס", „דאָס יידישע קינד", „דער יידישער גלח", סטרינדבערגס „דער פאָטער", „כל נדרי", „דאָס פּינטעלע ייד", „די ווייסע שקלאַווין" א. א.

הגם די טרופּע האָט באַקומען געוויסע פּריווילעגיעס פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעגירונג, זיינען אָבער די געשעפטן אַוועק שלעכט (קודם כל צוליב דעם וואָס די דאָרטיקע יידישע באַפעלקערונג האָט קנאַפּ פאַרשטאַנען דעם יידישן לשון) און אין 1922 איז די טרופּע זיך פאַנאַנדערגעפאַלן.

מ. ע. פון יצחק מעסטעל.

ש. י. דאָרפזאָהן — דאָס יידישע טעאַטער אין טשעכיען, „נייער פאָלקס-בלאַט", לאָדזש, 14 אַפּריל, 1925.

האַבער, [?]

האָט אין 1894 געשפּילט מיט טאָמאַשעווסקי און רודאָלף מאַרקס אין פילאַדעלפיע [ראָל „חיים" אין „חיים אין אַמעריקע"].

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס געשיכטע", ז. 131.

האַבערמאַן, יאָזעף

געבוירן 17 נאָוועמבער 1897 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — געווען אין דער יוגנט אַ מוזיקער אין אַן אָרקעסטער פון אַן אָפּערעטן־טרופּע אין פּעטערבורג, דערנאָך זיך באַזעצט אין וואַרשע אַלס בוכהאַלטער פון אַ קוילן־טראַנספּאָרט־הויז.

ביז 9 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך גע־ענדיקט אַ 3 קלאַסיקע שטאַטישע שול און באַזוכט 1 יאָר די אָוונט־קורסן פון דער האַנדלס־שול.

פון קינדוויַיז אָן אַרויסגעטראָטן מיט דעקלאַמאַציעס אין יידיש און פּויליש אויף פאַרשיידענע „אָוונטן", און אין 1911 זיך באַ־טייליקט אין אַ פּוילישער ליבהאָבער־פאָרשטעלונג, דערנאָך אַריינ־געטראָטן אין דער קינדער־טרופּע א"פ פון ברייטמאַן און געשפּילט אין די פאָרשטעט פון וואַרשע, דעביוטירנדיק אַלס „טראַפּעליק" אין געבילס „טאַטע־מאַמעס צרות", דאַן אָרומגעפאָרן מיט פאַרשיידענע „ליבהאָבער", ווי די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן חנה לעוויבראָווסקאַ, די ברידער פעניגשטיין, און אַריינגעטראָטן אין זשיטאָמירסקיס טרופּע אַלס סופלער און קינדער־ראָליסט.

ה.'ס עלטערן ווילן אים אָבער אָפּרייסן פון טעאַטער און שיקן אים אַוועק קיין פּעטערבורג אַלס בעל־מלאכה, נאָך 4 חדשים קומט ער צוריק, און פאָרט מיט „ליבהאָבער" קיין מלאַווא, וואו זיי שפּילן אייניקע וואָכן, דערנאָך אָרדנט ה. איין ליבהאָבער־פאָרשטעלונגען אין ילאָווא (דייטשלאַנד) און פאָרט אין 1913 קיין אַרגענטינע, וואו ער שפּילט מיט די שוועסטער סיפּצער און שאַפט צוזאַמען מיט מאָריס נאָוויקאָוו אַ קאָאָפּעראַטיווע טרופּע פאַר דער פּראָווינץ, וועלכע שפּילט בערך אַ יאָר אין ראָזאַריאָ (אַרגענטינע). נאָכדעם ווי די טרופּע צעפאַלט זיך, פאָרט ה. אַרום 2 יאָר איבער באַראָן הירשס קאָלאָניעס, וואו ער אָרדנט איין ליטעראַרישע אָוונטן, אָר־גאַניזירט און פירט אָן מיט דראַמאַטישע פאַריינען. אויף זיין איניציאַטיוו ווערן אין געוויסע ערטער אויפגעבויט ספּעציעלע טעאַ־טער־בנינים.

צוריקגעקומען אין בוענאָס־איירעס איז ה. אַריינגעטראָטן אין דער דאָרטיקער טרופּע פון גוטענטאַג־מאַריענהאָף מיט וועלכער ער פאָרט אויך איבער דער פּראָווינץ. אין 1919 שטעלט ה. צונויף (צוזאַמען מיט ל. פריימאַן) אַ טרופּע פאַר בראַזיליע, וואו זיי שפּילן איבער אַ יאָר. דערנאָך טרעט ה. צוריק אַריין אין גו־טענטאַג־מאַריענהאָפס טרופּע און פאָרט אַרום מיט פאַרשיידענע טרופּעס איבער דרום־אַמעריקע (אַרגענטינע, בראַזיליע, טשילי, אורוגוואַי). 1922 איז ה. מיט זיין פרוי דירעקטאָר פון אַ יידישער טרופּע אין טשילי און אין דער אַרגענטינער פּראָווינץ, דערנאָך (צוזאַמען מיט צוקערמאַנען) פירט ער אָן מיט אַ טרופּע אין מענ־דאָזאַ און פאַרוואַלטעט אין ב"א דאָס טעאַטער סאַלאָן גאַריבאַלדי. 1923 — געשפּילט א"ר פון מאַרק ארענשטיין און אָרומגעפאָרן מיט אים איבער די יידישע קאָלאָניעס. דערנאָך געקומען אין די פּאַראַיי־ניקטע שטאַטן און 1924-5 געשפּילט אין פּיפּלס־טעאַטער אין בו־פאַלאָ, דאַן פון צייט צו צייט אין פאַרשיידענע טעאַטערס און זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע.

ה. האָט אין 1916 געשפּילט אין אַן אַרגענטינער פאַנטאָמי־מע־קאָמפּאַניע און אין 1917 באַטייליקט זיך אין קאָנקאָרדיאַ (אַר־גענטינע) אויף שפּאַניש אין אַ שפּאַנישער טרופּע.

אין 1914 האָט ה. צוזאַמען מיט אַ גרופּע יונגעלייט רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן אין ב"א אַ וואָכנבלאַט „דאָס ליכט".

ש. ע.

אַן ערקלערונג פון אַרטיסט יאָסעף האַבערמאַן, „פרייהייט", 8 אַפּריל, 1924.

האָכבערג, מרדכי

[געב. 23 מאַי 1878 — געשט. 22 אויגוסט 1930]

געבוירן 23 מאַי 1878 אין אליקא, וואָלי־נער גוב., אין אַן אָרימער פאַמיליע. גע־לערנט אין חדר, דערנאָך אין סלאָנימער ישיבה. דאָ האָט ער זיך בגנבה באַקענט מיט דער השכלה־ליטעראַטור און איז באַלד דערויף געפאָרן קיין בערדיטשעוו, וואו ער איז געוואָרן אַ משורר ביי ניסן בעלזער.

אַ קורצע צייט שפּעטער טרעט ער אַריין אַלס כאָריסט ביי פּישזאָן, וואו ער שפּילט אויך קלענערע, דערנאָך גרעסערע ראָלן. אָבער דער מצב פון יידישן טעאַטער באַפרידיקט אים ניט און ער פאָרט קיין ווין, וואו ער ווערט אַ לערער פון יידיש און העברעאיש און באַקומט דורכדעם מיטלען פאָרטצוזעצן און סיסטעמאַטיזירן זיין בילדונג. ער לערנט אויך אין בערלין און קערט דערנאָך צוריק קיין רוסלאַנד, וואו ער פאַרבינדט זיך מיט דער רוסישער בינע אַלס דיריגענט (אַ לענגערע צייט מיט גרויס דערפאָלג אין דער טרו־פּע פון זשוקאָוו). ה.'ן ציט אָבער צו דער יידישער בינע און ער טרעט אַריין אַלס דיריגענט אין יידישן טעאַטער, אויפגעבנדיק אינגאַנצן זיין שפּילן אויף דער בינע.

נאָכן אַרומוואַנדערן אייניקע יאָר מיט פאַרשיידענע וואַנדער־טרו־פּעס, באַזעצט זיך ה. אויף אַ משך פון אייניקע יאָר אין לאָדזש, וואו ער איז באַשעפטיקט ביי זאַנדבערגן אין אָרטיקן גרויסן טעאַ־טער. אין מלחמה־צייט וואַנדערט ה. איבער רוסלאַנד, דערביי פאַרפאַסט ער אין אָדעס קאָמפּאָזיציעס צו יצחק נאָזשיקס אָפּע־רעטעס „רייזעלע דעם רבינס" און „מלכהלע סאָלדאַט".

נאָך דער וועלט־מלחמה האָט ה. אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטי־נע, וואו ער האָט פאַרן דאָרטיקן יידישן טעאַטער געשריבן מו־זיק־נומערן צו די אויפגעפירטע לעבנסבילדער און אָפּערעטן און קאָמפּאָנירט די מוזיק צו די אָפּערעטעס: „די בערדיטשעווער חתונה" און „אַ ויכוח איבער דער גמרא".

אין אויגוסט 1930 איז ה. געקומען גאַסטראָלירן מיט אַ טרו־פּע אין ריאָ דע זשענייראָ, בראַזיל, און דעם 22 אויגוסט 1930 איז ער דאָרט אומגעקומען בעת אַן אויטאָ־אומגליק. די לויה איז גע־ווען אַ זעלטן אימפּאָזאַנטע. די אָרטיקע יידישע צייטונג „אידי־שע פרעסע" האָט דעם 25 אויגוסט 1930 אַרויסגעגעבן אַ ספּע־ציעלן נומער, געווידמעט דעם פאַרשטאָרבענעם.

ה.'ס פרוי, רחל, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

[—] צום טויט פון אידישען טעאַטער־בויער און קאָמפּאָזיטאָר מרדכי האָכבערג, „אידישע פרעסע", ריאָ דע זשענייראַ, 25 אויגוסט 1930.

נתן קלינגער — אויף מרדכי האָכבערגס פרישן קבר, דאָרט.

יצחק לובעלטשיק — מרדכי האָכבערג ז"ל, דאָרט.

א. בערגמאַן — אידישע ענינים, דאָרט.

האָכבערג, רחל

[אַריעל]

געבוירן 16 מאַי 1893 אין לאָדזש, פּוילן. עלטערן — רעסטאָראַן-באַזיצער. געענדיקט אַ פּריוואַט-שול. דורך איר ברודער און שוועסטער, אַקטיאָרן, געקומען צו דער בינע. אין אָנהייב געשפּילט קינדער-ראָלן ביי זאַנדבערג, דערנאָך אין פאַרשיידענע טרופּעס אין פּוילן און אין רוסלאַנד.

די לעצטע יאָרן שפּילט ה. אין אַרגענטינע, וואו זי איז צוזאַמען מיט איר מאַן, דער דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר מרדכי האָכבערג.

ש. ע.

האָכבערג, שאול

געבוירן 23 אַפּריל 1870 אין יאַלטושקאָוו, פּאָדאָל, אין אַ משפחה, וועלכע ציט איר יחוס פון בעש"ט. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-יידישע דערציאונג. 1885 — אָנגעהויבן קאָרעספּאָנדירן אין „אידישעס פאָלקסבלאַט". אין אָנהייב 1907 געוועזן דער אַרויסגעבער פון דער טעגלעכער צייטונג „אונזער לעבען".

ה. האָט פאַרפאַסט אַ טעאַטער-שטיק „טרייטל קוואַטש", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין לאָדזש, וואַרשע און אָדעס.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 762-759.

האָכשטיין, הערי

[כאַזין]

געב. 27 פעב. 1886 אין אַטיק, קעשענ. גוב., בעסאַראַביע. פאָטער — תבואה-הענדלער. געלערנט אין חדרים און שפּעטער געענדיקט די מאָהילעווער שטאָטישע שול.

אין 1903 פאָרט ער קיין אַמעריקע, וואו עס געפינט זיך דאַמאָלט זיין שטיף-ברודער דער אַקטיאָר יעקב האָכשטיין. דאָ דרייט ער זיך אַרום אַ יאָר צייט אָן שום באַשעפטיקונג.

חשק צו טעאַטער האָט ה. באַקומען נאָך אין דער היים, וואָרום אין זיין פאָטערס מאַגאַזינען פלעגן די טרופּעס פון לאַגער, סאַבסיי און קאַניעווסקי איינאָרדענען זייערע פאָרשטעלונגען, און אין 1904 טרעט ה. אַריין אין גרין-טעאַטער אין פילאַדעלפיע צו מייק טאָמאַשעווסקי, וואו ער שפּילט 3 סעזאָנען, דערנאָך שפּילט ער 2 סעזאָנען אין נואַרק, 3 סעזאָנען ביי דזשוליוס נאַטאַנסאָן אין באָסטאָן, 2 סעזאָנען אין שיקאַגאָ, פון 1914 ביז 1916 — אין באָסטאָן און פילאַדעלפיע, אין 1919 ווערט ה. אָנגענומען אַלס מיטגליד אין דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע, און שפּילט דערנאָך 3 סעזאָנען אין באָסטאָן און 2 אין שיקאַגאָ.

אין 1925 שפּילט ה. מיט לודוויק זאַץ אין אירווינג-פּליים-טעאַטער אין ניו-יאָרק, 1926 אין מעקינלי-טעאַטער, 1927-8 אין ליבערטי-טעאַטער, 1928-9 אין ראָלאַנד-טעאַטער און 1929-30 אין זאַצעס פאָלקס-טעאַטער, וואו ער איז אויך סטיידזש-מענעדזשער.

מ. ע.

האָכשטיין, יעקב

[געב. 1875 — געשט. 6 יאַנ. 1931]

געב. 1875 אין דערפל קיטערשיקע, בעסאַראַביע. פאָטער — אַרענדאַר פון דאָרף. ווען ה. ווערט 6 חדשים, שטאַרבט זיין פאָטער. ה. ווערט דעריבער ביז זיין 6טן יאָר אויפגעצויגן ביי זיין זיידן, און שפּעטער, ביז 15 יאָר, אויפן זיידנס חשבון, ביי זיין מוטער אין אַטיקאָמאַליץ.

ווען די טרופּע מיט קאַרפּ און פינקעל שפּילט אין שטעטל „חיים שאַיע קוטער", ווערט ה. פון זיי אַזוי באַגייסטערט, אַז ער נעמט צוזאַמען איינציקע יינגלעך און קאָפּירט נאָך מיט זיי די אַקטיאָרן.

בלייבנדיק, צוליבן זיידנס טויט, אָן מיטלען צום לעבן, פאָרט ה. אין אַ יאָר אַרום צו זיינעם אַן עלטערן ברודער קיין ניו-יאָרק, וואו ער ווערט אַ פוטער-אַרבעטער.

דאָ טרעט ער אַריין אין אַ דראַמאַטיק-קלאַב, און ווען זיינע לאַנדסלייט זעען אים שפּילן די ראָל פון אַן אַלטן ריטער אין טעאָדאָר קערנערס פּיעסע „ראָזעמונדע", ריידן זיי אים צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר.

ה. באַקענט זיך מיט גאָבילן, וועלכער גיט אים די מעגלעכקייט אויפצוטרעטן אין זיין פּיעסע „דער זעע-קעניג", דערנאָך שפּילט ה. אויך אין אַנדערע פּיעסעס, ביז ער ווערט צוזאַמען מיט גאָביל אַנגאַזשירט צו אַ. אַבראַמסאָן אין פילאַדעלפיער קאָלאָמביאַ-טעאַטער.

אַזוי ווי די געשעפטן גייען אָבער דאָרט שלעכט, קערט ה. זיך אום קיין ניו-יאָרק, און הויבט אָן אויפצוטרעטן צוזאַמען מיט נייטאַן ראָזענטאַל אין זינגער-האָל אין ברוקלין. שפּעטער ווערט ה. צוזאַמען מיט אַ טרופּע אַנגאַזשירט צו פליישינג אין פּיטסבורג, וואו עס קומט אים אויס צו שפּילן מיט די גאַסטראָלירן טאָמאַשעווסקי, אַדלער און קעסלער, און דער לעצטער ברענגט אים צו שפּילן אין ניו-יאָרק. אָבער צוליב אַ סכסוך מיט דער יוניע מוז ער פאָרן שפּילן קיין שיקאַגאָ. דאָ שפּילט ער 3 יאָר און ווען דאָס טעאַטער ברענט אָפּ, קומט ער אָן אין דער טרופּע פון ליפּצין, מיט וועלכער ער שפּילט דורך דעם גאַרדין-רעפּערטואַר.

יאָזעף עדעלשטיין אַנגאַזשירט אים דערנאָך אין פּיפּלס-טעאַטער אַלס אַקטיאָר און סטיידזש-מענעדזשער. אין 1913 פאָרט ה. צוזאַמען מיט טאָמאַשעווסקין קיין אייראָפּע, און גאַסטראָלירט אין לאָנדאָן, לאָדזש און וואַרשע. שפּעטער פאָרט ער אַליין גאַסטראָלירן אין טשערנאָוויץ און לעמבערג, און קערט זיך צוריק קיין אַמעריקע. אין 1914 פאַרבעט אים יאָזעף קעסלער קיין לאָנדאָן, דערנאָך גאַסטראָלירט ער אַ קורצע צייט אין רומעניע און בעתן אויסבראָך פון דער מלחמה קערט ער זיך צוריק קיין אַמעריקע, וואו ער ווערט אַ מיטגליד אין דער יוניע, שפּילט אין פאַרשיידענע טרופּעס אין ניו-יאָרק און אין דער פּראָווינץ, און זייט 1927 ביי גאָבילן. צוליב קראַנקהייט זייט 1929 געשפּילט נאָר פון צייט צו צייט.

דעם 6 יאַנואַר 1931 איז ה. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק און געקומען צו קבורה אויפן בית-עולם פון די אידישע טעאַטראַל עליינס.

ש. ע.

האָלדער, יוסף

געבוירן 11 יאַנואַר 1893 אין ביטשקיף, קאָמיטאַט מאַרמאַראָש, געוו. אונגאַרן. באַקומען אַ שטרענג יידישע דערציאונג, שפּעטער געלערנט ביים פאָטער אַביסל דייטש, אַ קורצע צייט באַזוכט די אונגאַרישע עלעמענטאַר-שול און אַליין געלערנט אַנדערע וועלטלעכע למודים. פון 13 יאָר אָן געלערנט אין די ישיבות פון אונגאַרן און גאַליציע, גלייכצייטיק זיך אויסגעלערנט אונגאַריש און דייטש.

ה. האָט זיך באַזעצט אין בודאַפּעסט, וואו ער איז באַשעפטיקט אַלס באַנק-אָנגעשטעלטער. די ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין יאָר 1908; שרייבט לידער און פּראָזע אין אונגאַריש, יידיש, העברעאיש און איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון אונגאַרישן וואָכענבלאַט „מולט עס דזשאָוואָ“. ה. איז געווען דער קאָרעספּאָנדענט פון אונגאַרן פאַרן ניו יאָרקער „יידישעס טאַגעבלאַט“.

ה. האָט איבערזעצט די מלחמה-דראַמע „דער לויתן“ פון אונגאַריש-יידישן שריפטשטעלער אויוואַרי, די דראַמאַטישע פּאָעמע „די טראַגעדיע פונם מענטשן“ פון אונגאַרישן דיכטער אימרע מאַדאַטש, און אַן איינאַקטער פון אונגאַריש-יידישן שריפטשטעלער א. קאָצער.

מ. ע. פון י. מעסטעל.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 763-4.

האָלענדער, איזידאָר

געבוירן 21 יוני 1889 אין דאָרף לוזשנא ביי גאָרליצע, מערב-גאַליציע. פאָטער — פּאָסעסאָר. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר, ביי אַ רבי און פויליש — ביי אַ לערער.

צוליב מאַטעריעלע סיבות וואַנדערט אויס די פאַמיליע אין 1900 קיין אַמעריקע. דאָ באַזוכט ה. חדר און סקול און ווערט אַ שיק-יינגל אין אַ געשעפט, דערנאָך אַ פאַרקויפער, אַ זעצער און אַרבעט נאָך ביי אַנדערע פאַרשיידענע מלאכות.

זעענדיק אַמאָל טאָמאַשעווסקי שפּילן אין „ראָמעאָ און יוליאַ“, באַקומט ה. אַ תשוקה צום טעאַטער, באַזוכט זייט דאַמאָלט אָפט טעאַטער און מאַכט נאָך אין דער היים די אַקטיאָרישע העוויות. זיצנדיק ביי אַ פאָרשטעלונג פון שילערס „רויבער“ שרייבט ער נאָך פון געהער די גאַנצע פּיעסע און פירט זי אויף שפּעטער (מיט מאָריס שוואַרץ און נייטען גאָלדבערג) א״נ „די רויבער פון שילער“ פון גאָלדבערג און האָלענדער.

איייניקע יאָר שפּילט ה. מיט „ליבהאָבער“, טרעט אַרויס אַלס דעקלאַמאַטאָר פון מאָדערנער יידישער פּאָעזיע אויף ליטעראַרישע אָוונטן און פאָרלעזונגען פון פאַרשיידענע אימיגראַנטן-חברות און באַטייליקט זיך אין אַ דראַמאַטישן קלוב אין איינאַקטערס פון גאָרדין און רייזען. שפּעטער פאָרט ה. אַרום מיט „ליבהאָבער“ א״פ פון אַקטיאָר אבא שיינגאָלד.

זיין פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט הייבט ה. אָן אין דער טרופּע פון פעני ריינהאַרד-ברוין אין באָסטאָן און סביבה, וואו ער פירט אויס די מיסיעס פון אַן אַקטיאָר, סופלער, גאַרדעראָבער, ראָלן-שרייבער און געהילף-מענעדזשער.

נאָכן אַרומפאָרן איייניקע יאָר איבער דער פּראָווינץ, קערט זיך ה. צוריק קיין ניו-יאָרק, וואו ער טרעט אַריין (צוזאַמען מיט נייטאַן און ראָזע גאָלדבערג) אין יידישן וואַריעטע-טעאַטער. אַ קורצע צייט שפּעטער גייט ה. איבער צו געביל, ביי וועלכן ער טרעט שוין אויף אין פּיעסן און שפּילט ביי אים מיט הפסקות 7 סעזאָנען, דערנאָך איייניקע סעזאָנען מיט גאָלדבערג אין לענאָקס טעאַטער, אין באָסטאָן מיט דזש. נאַטאַנסאָן און אַלס ערשטער אַקטיאָר און רעזשיסער אין האָפּקינסאָן-טעאַטער. 1 סעזאָן איז ה. מיטדירעקטאָר (מיט מנשה סקולניק און יחיאל גאָלדשמיד) אין מאָנטרעאַל, וואו ער פירט אויף אויך דעם בעסערן רעפּערטואַר און אָרגאַניזירט די „האָלענדער טרופּע“, מיט וועלכער ער שפּילט 1926-7 אין טאָראָנטאָ, באָפאַלאָ און סביבה. 1927-8 געשפּילט ביי גליקמאַן אין שיקאַגאָ און 1929-30 מענעדזשער און רעזשיסער אין באָסטאָן, וואו ער שפּילט אויך די הויפּטראָלן.

מ. ע.

ב. באָטווויניק — יונגע טאַלאַנטען אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרוו.“ 11 פעברואַר, 1919.

האָלענדער, חנה

[פינקענטאַל]

געבוירן 4 אויגוסט 1894 אין באַבין, ביי טשערנאָוויץ, בוקאָווינע. אַלס קינד געקומען אין אַמעריקע און דאָ געענדיקט האַי-סקול. דורך איר שוועסטער און שוואָגער (נייטאַן און ראָזע גאָלדבערג) און האָלענדער אַריינגעטראָטן אין וואָדעוויל און זייער יונג דעביוטירט אַלס „קינפּעטאָרין“ אין אַ סקעטש „מאָריס, מיין מאַן“. ה.׳ס ערשטער אויפטריט אויף דער לעגיטימער בינע איז געווען ביי איר שוואָגער אַלס „דאָס קראַנקע קינד“ אין גאָרדינס „צוויי וועלטען“ און ווען דזשעני גאָלדשטיין ווערט קראַנק, פאַרטרעט זי ה., אָבער אָן דערפאָלג, און ווערט דעריבער אַ כאָריסטקע אין לירִיק טעאַטער. ערשט דורכן אויפטרעטן אין ליריק טעאַטער אַלס „ליזע“ אין שלום-עליכםס „מענטשן“ ציט זי אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער קריטיק און שפּילט שוין דערנאָך אַ סעזאָן אין לענאָקס טעאַטער און אַ סעזאָן ביי שוואַרצן אין אירווינג פּלייס טעאַטער. נאָך איר חתונה מיט איזידאָר האָלענדער, מאַכט זי מיט דעם זעלבן עטאַפּ וואָס איר מאַן, אַרויסטרעטנדיק אין ערשטע ראָלן אין דער דראַמע, קאָמעדיע און אָפּערעטע.

מ. ע.

אוריאל מזיק — בילדער גאַלעריע פון אונזערע אידישע שוישפּילער, „דער טאָג“, 13 אַפּריל, 1918.

ב. באָטווויניק — יונגע טאַלאַנטען אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרוו.“, 11 פעברואַר, 1919.

האַלפּערן, יהונתן

[געב. . . . אַפּריל 1877 — געשט. 15 יולי 1918]

געב. אַפּריל 1877 אין זשאַרקי, פּיעטריק. גוב., פּוילן, אין אַ פאַרמעגלעכער חסידיש-סוחרישער פאַמיליע. באַקומען אַ רעליגיעזע דערציאונג און ערשט נאָך דער חתונה זיך אָפּגעגעבן מיט וועלטלעכער בילדונג. דערוואָרבן אַ דיפּלאָם אויף נאַטור-וויסנשאַפט, מאַטעמאַטיק און שפּראַכן. ה. האָט זיך פאַרנומען מיט מסחר. אַ קורצע צייט געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. 1908 אָנגעהויבן שרייבן נאָוועלן. 1913 —

פֿאַרעפֿנטלעכט זיין ערשטע דראַמע „שיינדעלע, דראַמע אין דריי אַקטן“, און דעם איינאַקטער „מוטער און זון“ (פּ״ג א. גיטלין, וואַרשע), וועלכע האָבן געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער יידישער קריטיק און זיינען אויך אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע ליבהאָבער-קרייזן.

צווישן די ניט פֿאַרעפֿנטלעכטע כּתבֿים האָט ה. איבערגעלאָזט: „דער אַלטער דיכטער“, דראַמאַטישע פּאָעמע אין דריי אַקטן, „קיין וועג צוריק“, דראַמע אין דריי אַקטן (איבערזעצט אין דייטש פֿון פּאָול באַרכין און אָנגענומען געוואָרן צום אויפֿירן אין בערלינער דייטשן לעסינג-טעאַטער, אָבער ניט אויפֿגעפֿירט צוליבן אויסבראָך פֿון דער מלחמה), „אונטערגעהאַקטע פֿליגלען“, דראַמע אין פֿיר אַקטן, „פֿאַמיליע בראָמבערג“, דראַמע אין דריי אַקטן, „דער געפֿערלעכער רעצעפּט“, קאָמעדיע אין איין אַקט און „פּורים-שפּילער“, קינדער-קאָמעדיע אין דריי אַקטן.

ה.׳ס איינאַקטער „מוטער און זון“ איז אין 1923 דערשינען אין סינסינעטי אין דער ענגלישער איבערזעצונג פֿון יעטאַ בלאָק.

דעם 15 יולי 1918 איז ה. געשטאָרבן אין שטעטל יענדזשעוו.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט. I, זז. 768-9.

י. מ. ניימאַן — יהונתן האַלפּערין, „ביכער וועלט“, וואַרשע 2, 1922.

האַלפּערן, יצחק-צבי הלוי

[געב. . . . — געשט. . . .]

געוועזן חזן אין כּערסאָן, בערדיטשעוו און דערנאָך 25 יאָר אין לעמבערגער טעמפּל (רעפֿאָרם-שול).

ה. האָט פֿאַרפֿאַסט אַן אָפּערע „נבֿוכדנצר“ (טעקסט און מוזיק), וועלכע איז מיט גרויס דערפֿאָלג געשפּילט געוואָרן מיט רעגינאַ פּראַגער אין גאַליציע, און אַ פּיעסע „שׂרה בחור“, וועלכע איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין גאַליציע מיט זעליג שאָר, ראָזע בריה, אַדאָלף מעלצער און פּיטער גראַף. ה. האָט נאָך געשריבן אַנדערע פּיעסעס, וועלכע טראָגן דעם כאַראַקטער פֿון גאָלדפֿאַדען-הורוויץ-רעפּערטואַר און זיינען קיינמאָל ניט אויפֿגעפֿירט געוואָרן. צווישן זיינע מאַנוסקריפּטן געפֿינען זיך אויך אייניקע פּיעסען פֿון מאָדערנעם לעבנסשטייגער, אין וועלכע דער דיאַלאָג ווערט על פּי רובֿ געפֿירט אונטער מוזיקאַלישער באַגלייטונג.

ה. איז געוועזן דער מוזיקאַלישער מדריך פֿון דער פּלעיאַדע גאַליציאַנער אַקטיאָרן, וועלכע האָבן נאָך אַלס קינדער געזונגען אין לעמבערגער טעמפּל. ער האָט אויך געשריבן מוזיק צו טעאַטער-לידער („אַל תּירא עבֿדי יעקבֿ“ אין גאָרדינס „קעניג ליר“) און דעם טעקסט און מוזיק פֿון „צווייגן די פֿידלען“ אין גאָלדפֿאַדענס „שולמית“.

ה., וועלכער איז געוועזן אַ פֿרייגייסט, איז אויף דער עלטער פֿרום געוואָרן, האָט אָנגעהויבן פּראַווען מלווה מלכּות, אָנגעטאָן אַ יאַרמעלקע און געדאַווענט אין צוויי פּאָר תּפֿילין. שפּעטער איז ער אַוועק קיין ווין, וואו ער איז געשטאָרבן קנאַפּ נאָך דער מלחמה.

מ. ע. פֿון אַנשעל שאָר, שלום פּערלמוטער, יעקבֿ מעסטעל, יוסף ווינשטאָק, משה שאָר, גרשם באַדער און טשאַרלס נאַטאַנסאָן.

דייוויד קעסלער — גאָלדפֿאַדען, לערנער, שייקעוויטש — „דער טאָג“, נ. י. 21 יאַנואַר 1917.

האַלפּערן, לעאָ

געב. 24 יאַנ. 1894 אין טשאָרטקאָוו, מזרח-גאַליציע. עלטערן — ערד-אַרבעטער. ביז 13 יאָר געלערנט אין אַ חדר, צוערשט אין דאָרף, דערנאָך אין שטאָט, דאַן געענדיקט גימנאַזיע און גלייכצייטיק געלערנט העברעאיש.

שפּעטער ענדיקט ער אין ווינער „האָכשול פֿאַר מוזיק און דאַרשטעלענדער קונסט“ — דעם שוישפּיל-פֿאַקולטעט און באַזוכט אייניקע סעמעסטער דעם פֿילאָסאָפֿישן פֿאַקולטעט.

אין 1921 איז ה. דער רעזשיסער פֿון דער „הבימה“ אין ווין, וואָס פֿאַלט זיך פֿאַנאַנדער נאָך אייניקע העברעאישע פֿאָרשטעלונגען.

אין 1924-5 גרינדעט ה. אין ווין אַ קליינע יידישע טעאַטער-סטודיע, פֿון וועלכער ס׳איז אַנטשטאַנען אונטער זיין רעזשי די קליינקונסט-בינע „די גאָלדענע פּאַווע“.

ה. האָט געשפּילט יידיש טעאַטער אין ווין, רומעניע, ענגלאַנד, גאַליציע, בעלגיע, פּאַריז און זייט 1925 אין אַרגענטינע, וואו ער האָט אויך געגרינדעט די דראַמאַטישע שול „יונג אַרגענטינע“.

ה. גיט זיך אָפּ באַזונדערס מיט רעציטאַציעס און האָט אויך געשריבן אייניקע אַרטיקלען וועגן טעאַטער.

ש. ע.

האַלפּערן, משה-לייב

געבוירן 2 יאַנואַר 1886 אין זלאָטשאָוו, מזרח-גאַליציע. צו 21 יאָר אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע. אין 1908 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער איז שפּעטער געוואָרן פּאָפּולער אַלס איינער פֿון די באַדייטנדסטע מאָדערנע יידישע דיכטער.

ה. האָט איבערזעצט קלאַבונדס כינעזישע פּיעסע „דער קרייד-צירקל“, וואָס איז דעם 24 דעצעמבער 1925 אויפֿגעפֿירט געוואָרן דורך שוואַרצן אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער, און צוזאַמען מיט משה נאַדיר אָנגעשריבן אַ פּיעסע „אונטער דער לאַסט פֿון צלם“.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 769-772.

האַלצער, רחל

געבוירן אין קראַקע, גאַליציע. געענדיקט די קראָקעווער פּוילישע דראַמאַטישע שול. אין 1925 אַריינגעטראָטן אין פּוילישן טעאַטער א״ד פּיעקאַרסקי.

אין 1926 אַנגאַזשירט געוואָרן אין „קראָקעווער יידישער דראַמאַטישער טעאַטער“ (רעזשי יאָנאַס טורקאָוו), וואו זי שפּילט ביז 1928.

ה. האָט אויך אַ קורצע צייט געשפּילט אין דער „ווילנער טרופּע“.

ש. ע. פֿון יאָנאַס טורקאָוו.

האַמבורגער, דוד-גדליה



געבוירן 27 מערץ 1890 אין נאָווידוואָר, וואַרש. גוב., פּוילן, אין אַ פֿאַמיליע פֿון אָרטאָדאָקסישע יידן. ביז 14 יאָר געלערנט אין ישיבה און דערנאָך, זייענדיק שוין אין לאָדזש, געוואָרן אַ זאָקן-אַרבעטער. באַזוכנדיק דאָס יידישע טעאַטער, ווערט ה. אַזוי באַגייסטערט, אַז ער גרינדעט אַ דראַמאַטישן קרייז, וועלכער פֿירט אויף אין יולי 1905 אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער מיט יוליוס אָסקאַר גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר“, אין

ווּעלכן ה. שפּילט די ראָל „אברהם חריף". ה. פאָרט דאַן אַרום מיטן קרייז איבער אייניקע שטעט און אין 1906 טרעט ער אַריין אין בערנשטיינס טרופּע אין וולאָצלאַוועק, דערנאָך גייט ער איבער אין לאַנצמאַנס טרופּע, אין 1907 — אין דער פאַראייניקטער טרופּע פון ליבערט-קרויזע-סיראָצקי, 1908 — ביים דירעקטאָר באַלזאַק אין ליטע, 1909 — ביים דירעקטאָר האַרלאַמפּ-קאַניעווסקי און שפּעטער ביי אַנדערע דירעקטאָרן, 1913 — ביי גוזיק אין האָמעל, דערנאָך ביי לאַנצמאַן אין בעסאַראַביע ביז צום אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה.

צוריקקומענדיק אין פּוילן, טרעט ה. אַריין אין 1917 אין מיניאַטור-טעאַטער פון קוסטין-יעדוואַב, מיט וועלכן ער מאַכט אַ טורנע איבער פּוילן. 1918 — שפּילט ער אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער (דיר. י. אַדלער און ה. סיראָצקי) און 1920 — אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער, אין פּוילישן טעאַטער (דיר. א. ג. קאָמפּאַנעיעץ), 1921 באַטייליקט זיך ה. אין טורנע איבער מערב-אייראָפּע פון בערלינער יידישן קונסט טעאַטער (אזראס „ווילנער טרופּע"), 1923—צוריקגעקומען אין לאָדזש, וואו ער באַטייליקט זיך ביז 1930 אין דער אָרטיקער קאָלעקטיווער טרופּע.

ה. איז רעזשיסער פון אַ דראַמאַטישן קרייז אין אַלעקסאַנדער ביי לאָדזש.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער-ראָלן.

ש. ע.

האַמבורגער, נייטאַן

[געב. בערך 1878 — געשט. 1913 [?]]

געבוירן בערך 1878 אין קראָקע, גאַליציע, ביי אַ פאַמיליע פון כלי-קודש. אין אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט געקומען אין לאָנדאָן און דאָרט געשפּילט מיט פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן אין פאַרשיידענע קלובס און האָלס, אַרויסווייזנדיק אַן אומגעהויערע ליבע צו דער בינע.

ה. האָט תמיד פלייסיק צוגעגרייט זיך צו די אינטריגאַנטן און כאַראַקטער-ראָלן, וועלכע ער פלעגט שפּילן און מיט גרויס ערנסט זיי דורכפירן.

בעת אַ פּראָבע האָט ה. אָנגעהויבן אַרויסווייזן סמנים פון משוגעת, און סוכות 1913 [?] איז ער געשטאָרבן אין משוגעים-הויז אין לאָנדאָן און געקומען צו זיין אייביקער רו אויפן מענער-פּאַרק בית-עולם.

מ. ע. פון אסתר וואָלערשטיין, ז. בלעקער און בעקי גאָלדשטיין.

האַנדפוס, ביילע

[אַריעל]

געבוירן 10 מאַי 1900 אין לאָדזש, פּוילן. עלטערן — רעסטאָראַן-באַזיצער. געלערנט אין אַ פּריוואַט-שול. דורך אירע ברידער און שוועסטער, אַקטיאָרן, אָנגעהויבן שפּילן קינדער-ראָלן אין זאַנדבערגס לאָדזשער גרויסן טעאַטער, דערנאָך דאָרט געזונגען אין כאָר און אין דער קריגס-צייט געשפּילט צווערשט א"ד פון מ. ד. וואַקסמאַן און איטע זאַנדבערג, דערנאָך אין אַנדערע טרופּעס. שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע, וואו זי שפּילט אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער.

ש. ע.

האַנדפוס, ישכר

געבוירן 30 דעצעמבער אין וואַרשע, פּוילן. עלטערן — באַזיצער פון אַ רעסטאָראַן. געלערנט אין אַ האַנדלס-שול און דערנאָך געווען אַ זינגער אין קאַבאַרעטן. 1919 — אַריינגעטראָטן אין יידישן טעאַטער אין בערלין, דעביוטירנדיק אַלס „יאָקל", אין ריכטערס „משה חיט". נאָכן שפּילן אייניקע יאָר אין מערב-אייראָפּע, אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע און שפּילט אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער.

ה. האָט אין 1921-2 זיך באַטייליקט אין די פילמען „קדיש" און „מיליאָנען-גנב". ה. שרייבט אויך קופּלעטן פאַר זיינע ראָלן.

ש. ע.

האַניגמאַן, יצחק

געב. 24 דעצ. 1886 אין קאַדימאַ, פּאָד. גוב., אוקראַאינע. זיין פאָטער האָט 34 יאָר געהאַלטן די טאַקסע און געווען אייגנטימער פון אַ בראָנפן-בראַנעריי.

צוליב אַ ליבע מיט אַ שוסטערס אַ טאָכטער, וואָס איז ניט געווען פאַר דער עלטערנס יחוס, שיקן זיי אים אין 1904 קיין אַמעריקע צו זיין עלטערן ברודער, ביי וועלכן ער איז 2 יאָר אָנגעשטעלט פּאַנאַנדערצוטראָגן מילך.

אין 1907 באַקענט ער זיך צופעליק מיטן אַקטיאָר נייטאַן ראָזענטאַל, וועלכער נעמט אים קיין טרענטאָן צו שפּילן „משה חסיד" אין גאָרדינס „קעניג ליר". אין אַ יאָר אַרום אַנגאַזשירט אים ר. אין זיין פּאַרק-טעאַטער אין ניו-יאָרק פאַר 8 דאָלאַר אַ וואָך, אָבער נאָך עטלעכע וואָכן ווערט ער אַנגאַזשירט קיין באַלטימאָר אין דער טרופּע פון דוד לעווענסאָן און יעקב פרענק פאַר 12 דאָלאַר אַ וואָך. אין 1909 שפּילט ער ביי יעקב זילבערט אין באָסטאָן, 1910 — אין באָסטאָן, דירעקציע לעווענסאָן, 1911 — מייק טאָמאַשעווסקי אין נוארק, 1912 — מ. טאָמאַשעווסקי אין פילאַדעלפיע, 1913 — מייק טאָמאַשעווסקי אין באַלטימאָר, 1914 ווערט ער אַנגאַזשירט ביי דער „יענקי פילם-קאָמפּ." צו שפּילן אין פילם. 1915 פילמט ער ביי דער „אוניווערסאַל-קאָמפּאַני", אין 1917-8 שפּילט ער ווידער און רעזשיסירט אין באָסטאָן אין דער טרופּע פון סערא אַדלער. 1919 — אין נוארק, 1920 — פילאַדעלפיע, 1921-2 — יידישער קונסט-טעאַטער, וואו ער איז אויך געהילף-רעזשיסער, 1923 — אין שיקאַגאָ מיט מאַלווינאַ לאָבעל, 1924 איז ער מיט-דירעקטאָר פון אַ טרופּע אין טאָראָנטאָ, 1925 — אַקטיאָר און רעזשיסער אין ליריק-טעאַטער, ברוקלין, 1926 — לענאָקס-טעאַטער, 1927-8 — אַ קורצע צייט אויף דער ענגלישער בינע, אין 1928-9 — אין נײשאַנאַל-טעאַטער און 1929-30 אין גאַבילס פּאַבליק-טעאַטער.

ש. ע.

האָניגמאַן, מאיר

געבוירן 17 סעפּטעמבער 1884 אין קאָדימא, פּאָדאָל. גוב., אוקראַאינע. פאָטער — אַרענדאַר און בעל-טאַקסע. געלערנט אין חדר און למודי-חוץ ביי אַ שרייבער. אַנטלאָפן קיין באַלטע צו אַ קוזין און דאָרט געענדיקט די רוסישע שטאָט-שול. צוריקגעקערט אַ היים, לערנט ער אַ יאָר ביי אַן העבּרעאישן לערער און העלפט דעם פאָטער אין מסחר.

נאָך קינדווייז אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו מאָלן. אויף דער איניציאַטיוו פון אַ דורכרייזנדן פּייסאַזשיסט, געפאָרן קיין אָדעס, וואו ער לערנט 6 חדשים אין רייכהאָלדס פאַרבערייטונגס-קונסט-שול און דערנאָך 6 יאָר אין דער מלוכהשער קונסט-שול צוערשט אויסגעהאַלטן פון זיינע עלטערן, דערנאָך פון די הכנסות פון זיינע בילדער און אַלס געהילף-סעקרעטאר אין דער אָדעסער טעלעפאָן-קאָמפּאַניע. גלייכצייטיק האָט ער געזונגען אין דער שאַלאַשן-שול ביי ראָזומני און געלערנט נאָטען ביי געלער, דיריגענט ביי פּיניע מינקאָווסקי.

בעת די קאַניקולן פלעגט ה. איינאָרדנען אין זיין היים-שטאָט קינדער-פאָרשטעלונגען אויף העבּרעאיש און דערנאָך מיט ליבהאָבער אויפגעפירט גאָלדפאַדענס „באָבע יאַכנע" (שפּילנדיק די טיטל-ראָל). ער האָט אויך געשפּילט אייניקע פאָרשטעלונגען אין דער פּראָפעסיאָנעלער יידישער טרופּע פון ווייספעלד אין אָדעס.

נאָכדעם ווי ה. האָט זיך באַטייליקט אין אַ כאָר ביי אַ „אוריאל אַקאָסטאַ"-אויפפירונג אין רוסישן טעאַטער, איז ער אַריינגעטראָטן אין כאָר פון אַן אוקראַאינישער טרופּע, וואו ער האָט שפּעטער אויך באַקומען קליינע ראָלן.

1905 — באַטייליקט זיך ה. אין יידישן זעלבסטשוץ, ווערט פאַרוואונדעט און מוז, צוליב אַ מסירה, אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. אין 1906 שפּילט ער אין ענגלאַנד (מיט דזשעני קייזער און יאָזעף שערמאַן) איבער דער פּראָווינץ און דערנערט זיך אויך פון מאָלן פּייסאַזשן און פּאָרטרעטן. 1907 — געקומען צו אַ ברודער אין פילאַדעלפיע, אַמעריקע, און זיך מפרנס געווען פון מאַלעריי. צוליבן פאַרוואער פון דאָקטוירים, איבערגעריסן זיין מאַלערישע טעטיקייט און אַריינגעטראָטן אַלס אַקטיאָר אין יידישן וואָדעוויל אין פילאַדעלפיע, דערנאָך געשפּילט וואָדעוויל אין ניו-יאָרק מיט נייטאַן גאָלדבערג אין דריטן סטריט טעאַטער, וואָדעוויל מיט מאַקס געביל און דזשעני גאָלדשטיין און אין גאָלד-טעאַטער אין ברוקלין (מיט ווירא גאָרדאָן און בערטאַ גערסטין), שפּעטער — אַ סעזאָן לעגיטים טעאַטער מיט נייטאַן גאָלדבערג אין מאָנטרעאַל און אין פּלאַזאַ אין ניו-יאָרק, דערנאָך אייניקע סעזאָנען איבער דער פּראָווינץ.

1928-29 — געשפּילט אין ברוקלינער האָפּקינסאָן-טעאַטער און 1929-30 — אין ברוקלינער ליריק טעאַטער, וואו ער איז אויך סטיידזש-מענעדזשער.

ה. איז אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיוו פון דער אַקטיאָרן-יוניע.

מ. ע.

האָניגמאַן, קלאַראַ

[גאָלדענבערג]

געב. 1890 אין קעשעניעוו, בעסאַראַביע. צו 12 יאָר האָבן זי אירע עלטערן אַוועקגעשיקט צו אַ פעטער אין אָדעס, און דאָרט האָט זי געלערנט אין אַ שטאָטישער שול.

אין 1908 איז זי געקומען קיין פילאַדעלפיע, אַמעריקע, צו אירער אַ מומע, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז זי אַריין אַלס כאָריסטקע אין קאָלאָמביאַ-טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון מייק טאָמאַשעווסקי.

אין 1911 הויבט זי אָן צו שפּילן קליינע ראָלן. אין 1912 טרעט זי אויף אין דער פּרימאַדאָנאַ-ראָל „רייזעלע" אין „די יידישע קרוין" פון טאָמאַשעווסקי, זייט דאַמאָלט שפּילט זי מיט די באַקאַנטסטע יידישע אַקטיאָרן, דערונטער אויך מיט אַדלער, קעסלער, סערא אַדלער, מאָשקאָוויטש, שיינגאָלד, שוואַרץ, טאָמאַשעווסקי. 1926-8 שפּילט זי אין געבילס טעאַטער, 1928-30 אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער.

ש. ע.

האָפמאַן, לעאָן



געבוירן 22 יוני 1900 אין בענדער, בעסאַראַביע. פאָטער — אייגנטימער פון אַ באַקאַליי-קראָם. די פאַמיליע טראָגט זיך איבער קיין הוסיאַטין-פּאָדאָלסק, וואו ה. לערנט ביז 10 יאָר אין חדר און דערנאָך ביז 13 יאָר אין רעאַל-שול אין בענדער, ווען ער עמיגרירט מיט דער פאַמיליע קיין אַמעריקע. דאָ האָט ה. געלערנט אין פילאַדעלפיע אין פּאָבליק-סקול און אין „בית-משכן-ישראל"-ישיבה. שפּעטער געווען כראָניקער אין דער פילאַדעלפיער אָפּטיילונג פ. „די ווארהייט" און אין דער אָרטיקער „אידישע וועלט" און אָנגעהויבן דרוקן הומאָרעסקעס און לידער א"פ „פייערשטיין" אין „קונדס" און א"פ „א. איפּסעל" אין „פאָרווערטס".

אין 1919 איז ה. געקומען אין ניו-יאָרק און געוואָרן פּאָבליסיטי-מענעדזשער אין שניצערס קונסט-טעאַטער. שפּעטער אָרגאַניזירט ה. דאָס „שילדקרויט-טעאַטער" און העלפט ביים אָרגאַניזירן אויך אַנדערע טרופּעס. זייט 1926 איז ה. פּאָבליסיטי-מענעדזשער און זייט 1928 אויך מענעדזשער אין שוואַרצס קונסט-טעאַטער, ניו-יאָרק.

מ. ע.

האָפמאַן-שניידער, עני

געבוירן אין אָדעס, אוקראַאינע, ביי פרומע עלטערן, וועלכע עמיגרירן קיין אַמעריקע. דאָ לערנט ה. אין פּאָבליק-און האַי-סקול און באַטייליקט זיך מיט געזאַנג-נומערן אין די שול-פאָרשטעלונגען, דערנאָך טרעט ה. אַריין אין אַן ענגלישן וואָדעוויל, וואו עס הערט זי דער קאָמפּאָזיטאָר פרידזעל און באַוועגט זי איבערצוגיין אין יידישן וואָדעוויל צו קאָפּעלמאַן. דאָ שפּילט זי סוברעטין-ראָלן צוזאַמען מיט געביל און זיגמונט וויינטרויב.

1910 איז ה. אריבער צו דער לעגיטימער יידישער בינע אין דריטן סטריט-טעאטער, דערנאָך אין ליריק, לענאָקס, ליבערטי און אָמפּיאָן-טעאטער, האָבנדיק די געלעגנהייט צו שפּילן מיט די אָנגעזעענסטע כחות פון דער יידישער בינע.

1929-30 — האָט ה. געשפּילט אויף דער ענגלישער בינע.

ש. ע.

האָפמאַן, פּאולין

געבוירן 1880 אין וולאָצלאַוועק, פּוילן. עלטערן — קליידער-הענדלער, וועלכע וואַנדערן אויס אין 1889 קיין אַמעריקע.

1894 טרעט ה. אַריין אין כאָר פון יוניאָן-טעאַטער און אַ קורצע צייט נאָכדעם ווערט זי אַן אַקטריסע, זייענדיק פאַרבונדן מיט די באַדייטנדסטע יידישע טעאַטערס אין אַמעריקע.

1922 האָט ה. געשפּילט אין ענגלישן וואָדעוויל, דערנאָך 1½ יאָר מיט דער שיקאַגער ענגלישער קאָמפּאַני אין „אייבים אייריש ראָוז", 1926 אין זיגפעלדס מיוזיקל קאָמעדיע אויף בראָדוויי „בעטסי" און 1929-30 אין ברוקלינער ראָלאַנד-טעאַטער.

ה. איז די פרוי פון מענעדזשער וויליאַם ראָלאַנד.

ש. ע.

האָפע, מיצי

עלטערן — דייטשע שוישפּילער. פון קינדוויז אָן אויף דער דייטשער בינע. 1917 נעמט זי דזשעק בעדראָש אין בערלין פון אַ בערלינער טעאַטער-אַגענטור פאַרן וואַרשעווער יידישן אָפּערעטן-טעאַטער „צענטראַל", וואו זי שפּילט אויף יידיש די סובּרעטינס אין פאַרשיידענע אייראָפּעאישע און אויך יידישע אָפּערעטן.

1920 קערט ה. צוריק צו דער דייטשער בינע.

ש. ע. פון מיכאל מיכאַלעסקאָ.

האָראָוויץ, איציקל

געבוירן 3 אָקטאָבער 1847 אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — אַ האַנדלס-אַנגעשטעלטער און בעל-טאַקסע. געלערנט אין חדר און אין דער יידישער שול. אין עלטער פון 21 יאָר נעמט ה. צוזאַמען מיט עטלעכע חברים און גייט מיט זיי אַרום איבער פּריוואַטע הייזער זינגען יידישע לידער (על פּי רוב טעקסטן פון ליניעצקי). ווען גאָלדפאַדען קומט אין רומעניע, ווערט ה. זיין „רעכטע האַנט" און איז דערנאָך ביי אים קאַסירער.

ה. געפינט זיך איצט אין אַ מושב זקנים אין יאַסי.

מ. ע.

האָראָוויץ, בער

געבוירן 17 יולי 1895 אין וואַלד-דאָרף מיידאַן, פּאָוויאַט קאַלוש, מזרח-גאַליציע. משפּחה — דאָרפסלייט. אין 1914 געענדיקט די פּוילישע גימנאַזיע אין סטאַניסלאַוואָ און אָנגעהויבן שטודירן מעדיצין, וואָס ער מוז אָבער איבעררייסן צוליבן אויסבראָך פון דער מלחמה, אין וועלכער ער האָט זיך באַטייליקט אַלס אייניאָריק-פרייוויליקער מעדיצינער.

צו 12 יאָר שוין געשריבן לידער אין פּויליש און צו 15 יאָר אין יידיש, האָט ער אין צייט פון מלחמה אָנגעהויבן דרוקן לידער אין לעמבערגער „טאַגבלאַט" און שפּעטער אין אַנדערע זשורנאַלן און זאַמלונגען און האָט פאַרעפנטלעכט אייניקע בענדער לידער, פאַרנעמענדיק אַן אָנגעזעען אָרט אין דער יידישער פּאָעזיע.

אין פעברואַר 1927 האָט יאָנאַס טורקאָוו אויפגעפירט אין קראָקע ה.'ס איבערזעצונג פון סט. צווייגס דראַמאַטיזאַציע פון דזשאָנסאָנס „וואָלפּאָנע" (דער טאַנץ אַרום געלט).

מ. ע. פון יעקב מעסטעל.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 784-786.

האַרט, אייב

[אברהם העכט]

געב. 5 סעפּט. 1887 אין לאָדזש, פּוילן. פאָטער — אַ האָלץ-סוחר, אַ מנגן און אַ נישט-פּראָפעסיאָנעלער בעל-תפלה. געלערנט אין חדרים און אין ווילקער בית-המדרש. נאָכן פאָטערס טויט פאָרט ער אָפּ קיין דייטשלאַנד, פון דאָרט צו זיינע ברידער קיין ענגלאַנד. דאָרט טרעפט ער שפּילן די אַקטיאָרן אסתר און משה דוד וואַקסמאַן, וועלכע נעמען אים, אַלס לאַנדסמאַן, אַריין אין כאָר און אויף קליינע ראָלן. זיין ערשטער אויפטריט אויף דער בינע איז געווען אין 1902 אין דער ראָל „בנתן" אין גאָלדפאַדענס „אחשורוש". 9 חדשים שפּעטער פאָרט ער קיין קאַנאַדע און טרעט אַריין אין אַ טרופּע אין טאָראָנטאָ.

1909 קומט ה. קיין ניו-יאָרק. צוערשט שפּילט ער אין וואָדעוויל, דערנאָך 3 סעזאָנען אין ליריק-טעאַטער, 1½ סעזאָנען אין ליבערטי, צו איינצעלנע סעזאָנען אין קליוולאַנד, מאָנטרעאַל, און אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער, ניו-יאָרק, שפּעטער איבער דער פּראָווינץ, שפּילט אויך אין לענאָקס און ליריק-טעאַטער אין ניו-יאָרק, 1923 — אין נואַרק, אונטער עלווינגס דירעקציע, 1927-8 — אין טאָראָנטאָ, 1928-9 — אין קאַסינאָ-טעאַטער אין פילאַדעלפיע און 1929-30 אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן.

ה. האָט אויך, מיט הפסקות, געשפּילט 18 חדשים אין ענגלישן וואָדעוויל און זיך באַטייליקט אין פילם „דער גוטער סאַמאַריטאַנער".

מ. ע.

האַרט, בערטאַ

[מאַהלער]

געב. 14 אָקט. 1887 אין טשאָרטקאָוו, מזרח־גאַליציע. פאָטער — אַ פריזירער. אויפגעצויגן אין לעמבערג אין שכנות מיטן אַקטיאָר שראַמעק, וועלכער האָט זי אַלס קינד אָפטמאָל מיטגענומען אין טעאַטער. ה. פלעגט נאָכזינגען די לידער. שראַמעק פועלט ביי אירע עלטערן, אַז מ'זאָל איר דערלויבן צו שפּילן קינדער־ראָלן, און אין עלטער פון 7 יאָר שפּילט זי „יהואש" אין דער אָפּערעטע „עתליהו" אונטער דער דירעקציע פון יעקב בער גימפּעל. אין זעלבן טעאַטער טרעט זי שפּעטער אַריין אין כאָר, באַלד דערנאָך ווערט זי סאָליסטין פון כאָר און שפּילט אויך קליינע ראָלן.

ווען גימפּעל פאָרט מיט זיין טרופּע קיין ווין, ווערט ה. די סובּרעטין. איר ערשטע ראָל איז „אגארא" אין „יהודית און הולפרנס". שפּעטער טרעט זי אויף אין דראַמאַטישע ראָלן ביי קאַרל זילבער אין קראָקע, דערנאָך שפּילט זי אין דער טרופּע פון זעליג שאָר און זיין זון משה איבער גאַליציע און אונגאַרן.

אין 1903 פאָרט ה. אָפּ קיין ניו־יאָרק און דאָ, ניט קאָנענדיק אָנקומען אין לעגיטימען טעאַטער, איז זי געצוואונגען אַריינצוטרעטן אין פּיפּלס מוזיק־האָל אויף דער בויערי. אין 1907 האָט זי חתונה מיטן אַקטיאָר סידני האַרט. זיי שפּילן אייניקע יאָר אויף דער פּראָווינץ, על פּי רוב אַלס בעלי־הבתים פון די טרופּעס. אין 1919 ווערט זי אַ מיטגליד אין דער יוניע און זייט דאַמאָלט שפּילט זי אין ניו־יאָרק: אין שניצערס קונסט־טעאַטער, פּיפּעל־טעאַטער, 1922-9 אונטער דער דירעקציע פון לואי גאָלדבערג און 1929-30 אין זאַיִם פאָלקס־טעאַטער.

ש. ע.

האַרט, הערש

געבוירן 7 מאַי 1897 אין ראַווא־רוסקאַ, גאַליציע. פאָטער — אַ סוחר. געענדיקט אַ מיטל־שול אין לעמבערג און 3 יאָר געווען הערער אין דער העכערער האַנדלס־ און עקספּאָרט־אַקאַדעמיע. צו־ערשט געשפּילט מיט „ליבהאָבער" אין לעמבערג. 1919—אָנגעהויבן שפּילן פּראָפעסיאָנעל ביי גימפּעל אין לעמבערג און דערנאָך אויף דער פּראָווינץ אין דער טרופּע פון זיין ברודער בער האַרט, אַ לענגערע צייט אין קראָקעווער יידישן טעאַטער און מיט קאָמפּאַנעיעס טרופּע. 1924-5 — צוזאַמען מיט שלמה פּריזאַמענט געפירט אַ טרופּע אין דער גאַליצישער פּראָווינץ, וואו ער פירט אויף אין 1925 פּרעמס „אין פּאָליש אויף דער קייט" און אשם „טויטער מענטש". 1925 — מיטרעזשיסירט (ביי אַדוועַנטאָוויטש) די פּוילישע אויפפירונג פון אַנסקיס „דיבוק". אין 1926 געשפּילט אין לעמבערגער יידישן טעאַטער, דערנאָך זיך באַטייליקט אין טורנע פון „ווי"קט" איבער רומעניע, שפּעטער דאָרט געשפּילט מיט לידא פּאָטאָצקאַ.

ש. ע.

האַרט, זיגמונט

געבוירן 20 אַפּריל 1866 אין טשערנאָוויץ, בוקאָווינע. עלטערן — סוחרים, וועלכע טראָגן זיך אַריבער אין 1869 קיין גאַלאַץ. דאָרט ענדיקט ה. אַ שול, און די עלטערן, פאָרטגעשריטענע, שיקן אים קיין ווין שטודירן. אָבער צוליבן פאָטערס טויט רייסט ה. איבער זיין שטודיום אין עלטער פון 16 יאָר.

נאָך אַלס שילער ווערט ה. אַ כאָריסט אין דייטשן טעאַטער, וואו ער זינגט צוערשט אַלס סאָפּראַן, דערנאָך אַלס באַריטאָן. שפּעטער טרעט ה. אַריין אין דייטשן טעאַטער אין טשערנאָוויץ (דירעקציע וואָלף), וואו ער שפּילט דריי יאָר ליבהאָבער־ראָלן און גייט איבער אין דער רומענישער פּראָווינץ־טרופּע פון בוריענעסקאָ, מיט וועלכער ער שפּילט 2 יאָר רומעניש. איצט טרעט ער אַריין צו הורוויצן און פאָרט מיט דער יידישער טרופּע קיין בודאַפּעסט. שפּעטער שפּילט ה. 2 יאָר מיט טרייטלער אין גאַלאַץ, דערנאָך מיט סעגאַלעסקאָ איבער רומעניע און גייט אַריבער צו גאָלדפאַדען. דאָ שפּילט ה. דער ערשטער די ראָל „אברהם" אין „עקדת יצחק".

צוליב פאַמיליע־סיבות ציט זיך ה. צוריק פון טעאַטער און איז אַ משך פון 12 יאָר פאַרוואַלטער אין אַ טאַרטאַק.

1905 — געקומען אין אַמעריקע, שפּילט ה. 10 יאָר מיט סיימאָן אין קליוולאַנד, ווערט אַ מיטגליד אין דער וואַריעטע־יוניע און שפּילט 3 חדשים אין וואַריעטע אין ניו יאָרק, דערנאָך 3 יאָר לעגיטים טעאַטער ביי ווייסמאַן אין מאָנטרעאַל, אַ קורצע צייט ווידער מיט סיימאָן אין קליוולאַנד און ציט זיך צוריק פון דער בינע.

ה. האָט אָנגעשריבן אַן אָפּערעטע „שמשון הגבור" און איבערזעצט די דראַמען „די בלינדע פון פּאַריז" און „די טאָכטער פון ראַבינער לעאָ". אַלע דריי אויפגעפירט ביי סעגאַלעסקאָ אין רומעניע.

מ. ע.

האַרט, סידני

[יוסף הערש]

געב. 24 דעצ. 1887 אין טישמיעניץ, גאַליציע, ביי פרומע עלטערן. פאָטער — אַ קצב, וועלכער וואַנדערט באַלד אויס קיין אַמעריקע.

אין 1900 קומט ער צו זיין פאָטער אין אַמעריקע. דאָ לערנט ער אין סקול.

זעענדיק טאָמאַשעווסקין שפּילן דעם „ישיבה בחור", ווערט ה. אַזוי באַגייסטערט, אַז ער באַשליסט צו ווערן אַן אַקטיאָר; שרייבט אָן אַ פּיעסע, אָבער ער האָט ניט קיין מוט פאַר עמיצן זי פאָרצולייענען. באַקענט זיך מיט אַ גרופּע „ליבהאָבער", טרעט אַריין אין זייער קלוב, וואו פּיטער גראַף איז רעזשיסער, און אין 1903 שפּילט ער צום ערשטן מאָל די ראָל „יאָזעף" פון שליפּערשטיינס „דאָרא", דערנאָך באַטייליקט ער זיך אין אַ געוויסן זייקעס „היסטאָרישע" דראַמע „די שרעקליכע ראַכע פון סאָפּיניאַ זאַרעמבאַ". די פאָרשטעלונג באַזוכן אַקטיאָרן און אַ פאַרוואַלטער פון באַלטימאָר, ל. לאַרגמאַן, אַנגאַזשירט אים פאַר 6 דאָלאַר אַ וואָך. דעם צווייטען סעזאָן ווערט ער אַנגאַזשירט אין זעלבען טעאַטער פאַר 10 דאָלאַר אַ וואָך. אָבערביידע מאָל באַ־

קומט ער ניט די שכירות און האַלט זיך אויס פון דער אונטערשטי־צונג, וואָס די עלטערן שיקן אים צו.

בעת מייק טאָמאַשעווסקיס טרופּע גאַסטראָלירט דאָרט, ווערט ה. אַנגאַזשירט אין דער טרופּע קיין פילאַדעלפיע.

אין 1905 קומט ער קיין ניו־יאָרק און טרעט אַריין אין וואָדעוויל, אין 1906 ווערט ער אַנגאַזשירט צו היינע־חיימאָוויטש, דאָ האָט ער חתונה מיט דער אַקטריסע בערטאַ מאַהלער, און ביידע לאָזען זיך אַרויס אויף דער פּראָווינץ שפּילן טעאַטער. נאָך אַ קורצער צייט ווערט ער דירעקטאָר; 1908 אין באַלטימאָר, 1909 אין פילאַ־דעלפיע, 1910 אין קליוולאַנד. פון 1915 ביז 1919 איז ער דירעק־טאָר פון הארטס מעטראָפּאָליטען טעאַטער אין נוואַרק. אין 1919 ווערט ה. אַ מיטגליד פון דער יוניע, און טרעט אַריין שפּילן אין שניצערס קונסט־טעאַטער, דערנאָך שפּילט ער 2 יאָר אין פּיפּלס־טעאַטער און זייט 1922 אין נייישאָנאַל־טעאַטער, ליבערטי און פּאַבליק־טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון לואי גאָלדבערג. 30־1929 — אין זאַקס פאָלקס־טעאַטער.

ה. האָט מיטגעהאָלפן דעם פאַרשטאָרבענעם אַקטיאָר יוסף גראַ־פּער זאַמלען (אין מאַנוסקריפּט) אַ ליסטע פון יידישע אַקטיאָרן, סופלערן און דראַמאַטורגן.

ש. ע.

האָרן, רוזשאַ

[געב. בערך 1873 — געשט. בערך 1899]

געבוירן בערך 1873 אין וואַרשע, פּוילן. אַריינגעטראָטן אין כאָר ביי ווייספעלדן און נאָך דער חתונה מיט אליעזר ראַפּעל געוואָרן אַ פּרימאַדאָנע, אַרויסטרעטנדיק אין גאָלדפאַדענס רעפּערטואַר.

ה. האָט געהאַט אַ שיינעם לירע־סאָפּראַן און האָט אַרויסגעוויזן אַרטיסטישע פעאיקייטן.

בערך 1899 איז ה. געשטאָרבן פון שווינדזוכט אין וואַרשע.

מ. ע. פון יצחק בליפעלד און עמיליע אַדלער.

עמיליע אַדלער — דאָס לעבען פון אַ אידישער אַקטריסע, „די אי־דישע וועלט", קליוולאַנד, 15 יולי, 1930.

האָרנשטיין, נייטאַן ה. דר.

[געב. 28 אויגוסט 1871 — געשט. 14 סעפּט. 1929]

געבוירן 28 אויגוסט 1871 אין אָדעס, או־קראַאינע. עלטערן — באַזיצער פון אַ תבואה־געשעפט. געלערנט אין חדר, פּענסיאָן, גימ־נאַזיע און אַ קורצע צייט אין אוניווערזיטעט.

נאָך אין גימנאַזיע האָט ה. זיך באַטייליקט אין די רוסישע שול־פאָרשטעלונגען, דער־נאָך פאַרלאָזט ה. דעם אוניווערזיטעט און טרעט אַריין אין דער רוסישער טרופּע פון קאַזאַנצאָוו אין אָדעס, וואו ער שפּילט אַ יאָר צייט א"פ „מאַליוטאַ", דערנאָך $1\frac{1}{2}$ יאָר אין דער רוסישער טרופּע פון וואָלאָסאָוו אין כערסאָן.

1892 אויסגעוואַנדערט צוזאַמען מיט די עלטערן קיין אַמעריקע, באַזעצט זיך ה. אין פילאַדעלפיע. דאָ געזאָלט ווייטער שטודירן, אָבער צוליב עקאָנאָמישע באַדינגונגען געוואָרן אַ בוכהאַלטער אין אַ מלבושים־געשעפט, שפּילנדיק גלייכצייטיק מיט „ליבהאָבער" אין האָלם.

1898 — ווערט ה. אַנגאַזשירט צו פינקעל אין אַרטש־סטריט טעאַ־טער, וואו ער בלייבט אייניקע חדשים, האָבנדיק די געלעגנהייט צו שפּילן מיט אַדלער. איצט נעמט ה. ווידער שטודירן און אין 1904 ענדיקט ער דעם מעדיקאַל־כירורגישן קאַלעדזש.

ניט קאָנענדיק מער שפּילן צוליב זיין מעדיצינישער פּראַקטיק און פילנדיק זיך ענג פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער, נעמט ה. שרייבן פּיעסן און פאַרפאַסט אַזוי 35 טעאַטער־שטיק פון וועלכע 8 זיינען געשפּילט געוואָרן, — צווישן זיי: „די זינדערין" (געשפּ. ביי מייק טאָמאַשעווסקי, אויפגעפירט דורך סערא אַדלער), „פאַרבאָ־טענע פרוכט" (געשפּילט ביי אַנשעל שאָר) און „דער פּרייז פון זינד" (אויפגעפירט דורך קעסלער אין ניו יאָרק).

ה. איז דעם 14 סעפּטעמבער 1929 געשטאָרבן פון אַן אויטאָ־מאָביל־אומגליק אין פילאַדעלפיע און געקומען צו זיין אייביקער רו אויפן הר־הכרמל בית־עולם.

מ. ע.

באַקאַנטער היגער דאָקטאָר, נייטהען ה. האָרנשטיין, נעכטען געשטאָרבען, „פאָרוו.", פילאַדעלפיע, 15 סעפּט. 1929.

הגדה פון יעקינא

אויפן שער־בלאַט איז געדרוקט „הגדה פון יעקינא אונ פון דעם רינדאר מיט זיין באַריהמטען בחור'ל יעקינא דער בן יחיד. וויא זיי האָבען דעם סדר אָפּגירעכט. מיר האָבען דאָס צו פליים גי־דרוקט דעם עולם צו וועיזען די אַלטע וועלט מיט וויפיל יאָר צו־ריק דעם חילוק צו וויסען קעגין היינטיגע דורות אַז עס געפונט זיך שוין ניט אַ זעלכע רינדארוס. פון דעם קען זיך יעדער איין מוסר ארוס נעמין וויא מען זאָל זעהן אַלעס צו טאָן אונ קינדר צו לאָזען לערנען כדי מען זאָל נישט אויף דער וועלט לעבין וויא איין בהמה".

די פּערזאָנען פון דער „פּיעסע" זיינען: רינדאר — דער טאַטע, חאַשע — די מאַמע, יעקינא — דער בן יחיד, פּעסעלע — די טאָכ־טער, גבריאל — דער פעטער, מלמד פון יעקינא, אורח אויף פּסח, סטאַך — הויזקנעכט, יעפקע — די מלכה און קאַספּער דער מיל־נער. אין צווייטן טייל זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע פּערזאָנען.

די פּיעסע איז געבויט אויף די וויצן און הלצות, וועלכע גייען אַרום צווישן פאָלק וועגן דער עם הארצות פון אַרענדאַר.

ש. ניגער האַלט, אַז שלום־עליכם האָט פון דאָזיקן ביכל געזאַמלט עלעמענטן פאַר זיין הומאָר.

דער נאָמען פון מחבר ווערט אויפן ביכל ניט אָנגעגעבן. די ער־שטע אויסגאַבע איז אַ לעמבערגער. אויף דער שפּעטערדיקער אויס־גאַבע (וואַרשע 1881) שטייט „הובא לבית הדפוס ע"י ר' פייבול מאָלדאָווסקי מברדיטשוב".

אין 1903 איז אין פיינסקיס דרוקעריי אין פּיעטראָקאָוו דערשינען אַ נייע אויפלאַגע [64 ז. $24°$].

ש. ניגער — עלעמענטן פון שלום עליכם־הומאָר פאַר שלום עליכם, „פּנקס", נ. י. 2־1, 1927.

נח פּרילוצקי — מכח די קוואַל פון שלום עליכמס הומאָר, „די יידישע וועלט", וואַרשע 4, 1928.

הדסה, אסתר
[ווײַנרויב-האַלפּערן]

געבוירן 13 מאַי 1897 אין זאבלאָטוווקא, גאַליציע. עלטערן — באָרן-באַזיצער און סוחרים. געלערנט אין גימנאַזיע און שטודירט אין קאָנסערוואַטאָריע אין ווין. אָנגעהויבן שפּילן אין דאָרטיקע יידישע דראַמאַטישע קרייזן און דערנאָך אין דער „גאָלדענע פּאַווע“, שפּעטער צוזאַמען מיט איר מאַן, לעאָ האַלפּערן, געפאָרן קיין אַרגענטינע.

ה. האָט איבערזעצט אייניקע פּיעסן און שרייבט אין דער אַרגענטינער „אידישע צייטונג“ א״פ „אַראָמינאָ“ וועגן פרויען-ענינים.

ש. ע.

הורוויץ, [האָרוויץ - הורוויטש] משה איש הלוי
פּראָפעסאָר
[געב. 27 פעברואַר 1844 — געשט. 4 מערץ 1910]

געבוירן 27 פעברואַר אין סטאַניסלאַוואָו, מזרח-גאַליציע, אין אַ פרומער פאַמיליע, וועלכע האָט זיך מתיחס געווען מיטן גאון בעל השל״ה. געלערנט ביים גאון ר׳ משולם האָרוויץ און דערנאָך אין בית-המדרש. צו 15 יאָר אָנגעהויבן לערנען שחיטה, דערנאָך זיך גענומען צו השכלה און אַלגעמיינער בילדונג. אין עלטער פון 18 יאָר אַוועק קיין יאַסי, רומעניע, וואו ער איז געוואָרן אַ העברעאישער לערער און אין 1871 אַרויסגעגעבן אין העברעאיש און אין רומעניש אַ צייטונג „די צייט“, וועלכע האָט ניט געהאַט קיין אריכת-ימים.

אַריבערגעפאָרן קיין בוקאַרעסט, וואו ער איז, ווי ער פלעגט פאַרזיכערן, געוואָרן פּראָפעסאָר פון געאָגראַפיע אין אָרטיקן אוניווערזיטעט און זאָל אויך האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון איבערזעצן דעם תנ״ך אויף רומעניש. זיכער איז, אַז ה. איז געווען דירעקטאָר פון אַ יידישער שול אין בוקאַרעסט און ווען די בעלי-הביתים פון דער שול האָבן אים אָפּגעזאָגט פון שטעל, האָט ה. זיך געשמדט און געוואָרן אַ מיסיאָנער.

אברהם גאָלדפאַדען דערציילט: „נאָך פּסח אין דעם יאָר 1877, ווען דאָס יידישע טעאַטער האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט דעם ערשטן ווינטער אין בוקאַרעסט, איז איינמאָל ביי אַ פּראָבע צו מיר צוגעקומען ישראל גראָדנער און האָט מיר ווי איינגערוימט אַ סוד, אַז ס׳איז דאָ אַ מענטש, וואָס האָט אַ נייע פּיעסע און וויל זי מיר געבן, אַז איך זאָל זי אויפפירן אויף דער בינע. ער האָט מיר דעם מענטשן פאָרגעשטעלט און איך האָב אים באַשטימט אַ צייט ווען ער זאָל קומען צו מיר אַהיים די פּיעסע פאָרצולעזן. אויף דעם צווייטן טאָג איז גראָדנער ווירקלעך געקומען מיט דעם מענטשן, וועלכער האָט מיר פאָרגעלעזן אַ דריי-אַקטיק שטיק מיט דעם נאָמען „דאָס פּוילישע יונגעל“. פון אָנפאַנגס האָב איך גערעכנט, אַז דאָס איז דאָס אומשטערבליכע מייסטערווערק פון דעם באַקאַנטן סאַטיריקער יצחק יואל לינעצקי — נאָר ניין, דאָס איז געווען אַ מין נאַרישער וואָדעוויל אין 3 אַקטן, אַ מין אַרט ווי „שמענדריק“. איך וואָלט דאָס צו יענער צייט געווען אויפגעפירט, נאָר דער סוד, וואָס דער מחבר האָט מיר איבערגעגעבן, האָט מיר פאַרבאָטן דאָס שטיק אָנצונעמען.

„דער מחבר פון דעם שטיק איז געווען אַ מיסיאָנער און אַלס אַזעלכער באַקאַנט אין בוקאַרעסט. אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן, האָט מיר דער מיסיאָנער-מחבר געענטפערט און זיך פאַרענטפערט, אַז ס׳איז אים זייער שלעכט געווען און אַז ער מיט זיין פאַמיליע האָבן זיך ערנערט מיט שאָלעכץ פון קאַרטאָפליעס, אַזוי ווייט איז אים שלעכט געווען. מער האָט ער ניט פאַרדינט ביים אַלטן רבש״ע. און אַזוי ווי דער נייער גאָט האָט אים איבערגעקויפט מיט 90 פראַנק אַ חודש, האָט ער די שטעלע גענוזט אָננעמען. ווי ער האָט אַליין איינגעזען, האָב איך די פּיעסע ניט געקאָנט אָננעמען צו שטעלן זי עפנטלעך אין דעם פרישן יידישן טעאַטער, דער עולם זאָל ניט זאָגן, אַז דאָס טעאַטער האָט זיך געשמדט.

„און ווי ער האָט איינגעזען, אַז איך האָב אין דעם פאַל רעכט, דאָך איז דער מיסיאָנער אַרויסגעגאַנגען פון מיר ברוגז און האָט, ווי עס שיינט, מיר געשוואָרן ראַכע . . . ער האָט ניט לאַנג געטראַכט און איז אַריינגעגאַנגען צו חנינאַן אין שענק, האָט צוזאַמענגערופן אַ מנין בעלי-העגלות, האָט געהייסן געבן 3 „אָקעס“ ווײַן און האָט זיך עפנטלעך מגייר געווען אויף אַ יידן. ער האָט פאַר זיי געהאַלטן אַ דרשה, אין וועלכער ער האָט זיי ערקלערט, אַזוי ווי אייער זיידע תרח האָט אויך געדינט צו פרעמדע אָפּגעטער און דאָך האָבן די יידן זיין זון אברהם אָנגענומען פאַר אַן ערלעכן יידן, בכן מעגן זיינע פּראָדוקטן אויך זיין יידיש און מ׳האָט ניט וואָס מורא צו האָבן און נאַכצוטראַכטן. און צום צייכן, אַז זיינע ווערטער זיינען דברים היוצאים מן הלב, האָט ער זיך געהייסן רופן משה איש האָרוויץ הלוי“. . . . ער האָט איינגערעדט דעם שענקער חנינאַן, וואָס האָט געהאַט אַ ליידיקן הויף, אַז ער זאָל דאָרט מאַכן אַ בינע, און ער, האָרוויץ, וועט אים יעדע נאַכט פון דער קאַסע צאָלן אַ גוטן פרייז און דאָס וועט אים זיכער מער אַריינברענגען ווי זיין הויף וועט שטיין ליידיק. ער האָט אים אויך איינגערעדט, אַז ער וועט יעדע נאַכט פאַרקויפן פיל ביר, ווייל ער וועט אַנאָנסירן אויף די פּלאַקאַטן, אַז יעדער איינער, וואָס וועט קויפן אַ בילעט אין זיין טעאַטער, וועט מען אים געבן אומזיסט אַ גלאָז ביר, און דערפאַר האָט ער פאַרלאַנגט, אַז דער שענקער חנינא זאָל אויסלייגן אַ געוויסע סומע געלט, וועלכע מען וועט באַדאַרפן פאַר אַנדערע אויסגאַבן. ער האָט אים אויך ערקלערט, אַז דער בלעכער, וואָס וועט מאַכן די לאָמפּן, וועט נעמען אַזויפיל אַ נאַכט, דאָס מאַלער-יינגל, וואָס וועט מאָלן די דעקאָראַציעס, וועט נעמען אַזויפיל אַ נאַכט. ער האָט יעדן ערקלערט מאַטעמאַטיש וואָס פאַר אַ גליק אים שטייט דאָ פאָר צו מאַכן, נאָר ער אַליין, האָט ער צוגעזאָגט, וועט גאָרניט נעמען די ערשטע צייט. ער וועט פשוט אַרבעטן פאַר עולם הבא . . . “

לויט טעאַטער-אַנאָנסן אין דער בוקאַרעסטער צייטונג „דער יידישער טעלעגראַף“, וואָס ש.׳ס ראָמאַן האָט פאַרעפנטלעכט אין „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע“, איז צו זען, אַז ה. האָט זיין טעאַטער געעפנט נאָך דעם 24 אַפּריל 1877.

די ערשטע אַנאָנס זאָגט (אין אונזער אָרטאָגראַפיע):

„איזראַעליטישער-נאַציאָנאַל-גאָרטן
קאַלעא וואקארעשט 35
איזראַעליטישע-דראַמאַטישע-געזעלשאַפט

אונטער דער דירעקציאָן
פאָן משה האָראָוויטץ.
שבת דען 24-טן אַפּריל 1877
ווירד געשפּילט ווערדן פיר דאַס ערשטע מאַל

דער טיראַנישער באַנקער

איינע מעלאָדראַמע אין דריי אַקטן אונד 10 טאַבלאָען [סצענעס]
מיט געזאַנג אונד טאַנץ פאַרפאַסט פאָן משה האָראָוויטץ"

באַטייליקט זיך האָבן די מענער: א. שיינגאָלד, מ. קריץ, א. בראַנד, לאַזאַרעסקאָ, ג. וועקסלער, ה. גאָלדענבערג, וו. שפּייזער, י. וויינבערג און די פרויען: ח. [שרה?] גאָלדשטיין, אַמאַליע, ב. טייך [גאָזניק], מ. ס.

דעם 21 מאַי 1877 איז אין זעלבן פּלאַץ אויפגעפירט געוואָרן „דעם זייגערמאַכערס קאַפּיליטש [די קאָמעדיע איז אַ פּנים ניט ה.'ס, ווייל באַלד דערויף איז זי געשפּילט עגוואָרן פון גאָלדפאַדענס טרופּע], איין קאָמישע קאָמעדיע אין איין אַקט" און „דיא געפעהרליכע נאכבארשאַפט, איינע קאָמישע קאָמעדיע אין 3 אַקטן, פאַרפאַסט פון משה האָרוויץ."

ב. גאָרין גיט אָן אין זיין „טעאַט. געש.", אַז ה. האָט געעפנט זיין טעאַטער נאָך פּסח 1878. די טרופּע איז באַשטאַנען פון אבא שיינגאָלד, וועלכער האָט דאַמאָלט ערשט דעביוטירט אויף דער בינע, משה טייך [גאָזניק], הערשל גאָלדענבערג און אַ געוויסע [שרה?] גאָלדשטיין און געעפנט האָט מען מיט דער פּיעסע „דאָס פּוילישע יינגל" [לויט ב. גאָרין — אַ דראַמאַטיזירונג פון לינעצקי, בעת גאָלדפאַדען לייקנט דאָס אָפּ]. דערנאָך האָט מען געשפּילט די איבערזעצונג „באַנקיר טיראַן" [איבערזעצט אויך פון גאָלדפאַדען], וואָס איז באַלד דורכגעפאַלן און אַלס דריטע פּיעסע — די איבערזעצונג פון רומעניש „די וויסטע אינזל" [איבערזעצט און אויפגעפירט אויך פון גאָלדפאַדען אין זיין טרופּע].

ה.'ס קאָנקורענץ קעגן גאָלדפאַדענען האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. „די ערשטע צייט — שרייבט שלום פּערלמוטער — איז דאָס געשעפט אַוועק גאָרניט שלעכט, דאָס גלאָז ביר, וואָס יעדער האָט געהאַט דאָס רעכט צו טרינקען פאַר זיין בילעט, וואָס ער האָט געקויפט, האָט טאַקע אָנגעלאָקט זייער פיל פון דעם פּראָסטן עולם, אָבער דאָס אַלץ האָט נאָר געדויערט אַ קורץ שטיקל צייט, ווייל: דער עולם, וועלכער איז געווען אַזוי באַגייסטערט פאַר גאָלדפאַדענס נאַציאָנאַלן געפיל, האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט צופרידענשטעלן מיט האָראָוויצס גויישע פּיעסען. דעם עולם האָט אויך געצויגן צו גאָלדפאַדענען ווייל דאָרט זיינען דאָך געווען די באַוואוסטע און באַקאַנטע אַקטיאָרן ווי ישראל גראַדנער, שכר גאָלדשטיין און זעליג מאָגולעסקאָ, וועלכע זיינען שוין ביים עולם פון פריער געווען באַליבט, און האָרוויץ האָט דערפאַר באַלד נאָך די ערשטע 3 וואָכן געמוזט אַנטלויפן דורך אַ הינטער טירל און האָט איבערגעלאָזט אַלע זיינע אונטערנעמער זיי זאָלן זיך איינטיילן מיט דער ירושה".

לויט ב. גאָרין איז ה. באַזייטיקט געוואָרן אויף גאָר אַן אַנדערן אופן: „גאָלדפאַדענען איז ניט געפעלן געווען צו האָבן אַ קאָנקורענט ביי דער זייט און כדי פּטור צו ווערן פון אים, האָט ער געשיקט נאָך אבא שיינגאָלד, וועלכער איז געווען די הויפּט-קראַפט פון הורוויטשעס טרופּע און האָט אים אַריינגענומען צו זיך. אָן אבא שיינגאָלד האָט זיך די טרופּע ניט געקאָנט האַלטן און זי איז גלייך צעפאַלן געוואָרן. אָבער דאָס האָט הורוויטשן ניט געמאַכט פאַר אוים דירעקטאָר. ער האָט שוין דעם טעם פון טעאַטער פאַרזוכט און ער האָט שוין געוואוסט מיט וואָס מען עסט

דאָס. אין בוקאַרעסט איז פאַר אים בעת מעשה קיין פּלאַץ ניט געבליבן, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט איבער די אַנדערע רומענישע שטעט. אויף דער פּראָווינץ האָט ער זיך געטראָפן מיט גראַדנער און אַזוי ווי איצט זיינען זיי ביידע געווען דורכגעדרונגען מיט אַ שנאה צו גאָלדפאַדען, האָבן זיי צוזאַמען געשלאָסן איין קאָמפּאַניע און אַוועקגעלאָזט זיך צוריק קיין בוקאַרעסט צו לערנען מיט אים בלק. די טרופּע האָט איצט געטראָגן דעם דאָפּלטן נאָמען פון גראַדנער און הורוויטש און דער לעצטער האָט דאָ אויך פאַרנומען אַ פּלאַץ אַלס שוישפּילער. צוזאַמען מיט זיי איז אויך געקומען פייוועלע פרידמאַן. אָבער הורוויטש און גראַדנער האָבן ניט געקאָנט הויזן צוזאַמען. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז קיין גלענצענדע געשעפטן האָבן זיי ניט געמאַכט און דערצו נאָך האָט זייער פיל געהאַט צו זאָגן וואָס יעדער פון זיי האָט זיך גערעכנט פאַר דאָס אויבערשטע פון שטויסל און זיי האָבן זיך ניט נאָר געריסן, נאָר עס פלעגט אָפט קומען ביי זיי צו אַ געשלעג. די געשלעגן זיינען געווען אַזוי אָפט, אַז עס איז געוואָרן אַ ווערטל: „ווען מען זעט צוויי צילינדערס וואַלגערן זיך אין גאַס, זאָל מען וויסן אַז זיי זיינען גראַדנערס און הורוויטשעס". דאָס האָט לאַנג ניט געקאָנט אָנהאַלטן און זיי האָבן זיך צעטיילט.

„הורוויטש האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ נייע טרופּע, אין וועלכער עס זיינען אַריין זיין טאָכטער שאַרלאָטע, צלאל גרינבערג (שפּעטער זיין איידעם) און אַנדערע, וועלכע זיינען לאַנג ביי דער בינע ניט געבליבן. ער האָט אויך אַריינגעקראָגן צוריק אבא שיינגאָלד און אַוועקגעלאָזט זיך אויף דער פּראָווינץ. אין בערלאַט איז צו דער טרופּע צוגעקומען אַ נייע אַקטריסע, דאָס איז געווען חיה-שרה אָדער קלאַרא, מיט וועלכער שיינגאָלד האָט חתונה געהאַט".

נאָכן אַרומוואַנדערן אַ לענגערע צייט איבער רומעניע (מיט די אַקטיאָרן: גרינבערג, שפּייזער, בערגמאַן און פרוי, אַקסעלראַד, פייוועלע פרידמאַן א. א.) איז ה. אַוועק קיין גאַליציע, וואו ער האָט — לויט ב. גאָרין — צוזאַמען מיט זיין טאָכטער שאַרלאָטע און איידעם גרינבערג זיך אָנגעשלאָסן אָן גראַדנערס קאָמפּאַניע, וואָס איז באַשטאַנען פון גראַדנער און פרוי, וויינבלאַט, עסקרייז, לענאַרד, הערמאַלין א. א. זיי האָבן פריער געשפּילט אין די גרעסערע גאַליצישע שטעט און רומעניע [וואו ער פירט אויף — לויט לעאָן בלאַנק — זיין פּיעסע „עתליהו"] און נאָכדעם (12 יולי 1882) אין רינג-טעאַטער אין ווין. קיין גרויס כבוד האָבן די יידישע אַקטיאָרן דאָ ניט געוואונען און די טרופּע צעפאַלט זיך. נאָך אַ קורצן וויזיט אין אָדעס, וואו ער באַטייליקט זיך אַלס אַקטיאָר אין שמ"רס „דער פּראָצענטניק", קומט ה. צוריק אין גאַליציע און שטייט צו צו אַ פּאַרטיקער טרופּע: גרינבערג און פרוי, אַקסעלראַד, קלמן יאָוועליר און פרוי (יעטאַ רייך), יעטאַ סאַמואילאָוו (שפּעטער שאָר). באַלד אָבער פאָרט ער קיין בודאַפּעסט, וואו ער פאַרברויכט דאָס געלט, וואָס די אָנגעשטעלטע אין טעאַטער האָבן אים געגעבן אַלס קויצע, ווערט אַרעסטירט, אַנטלויפט אָבער באַלד קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פון דאָרט קיין לאָנדאָן, וואו ער איז אָנגעקומען בערך סוף 1886, און באַלד דערנאָך פאָרט ער אָפּ קיין אַמעריקע.

אין ניו-יאָרק איז ה. באַלד אַנגאַזשירט געוואָרן אין רומעניע-אָפּערע-הויז וואו מען האָט אויפגעפירט זיין פּיעסע „טיסא עסלער" (מוזיק פון ז. מאָגולעסקאָ, ראָל דר. עדוויש — דער מחבר), וועלכע ער האָט אָנגעשריבן נאָך אין רומעניע.

מ. זייפערט, וועלכער האָט געזען די אויפירונג פון דער פּיעסע, שרייבט: „בכלל האָט דיזע פּיעסע זייער אַ קליינעם אונד נאָך וויניקער אַ ליטעראַרישן ווערט, ווייל די געשיכטלעכע פאַקטן, וואָס קומען אין איר פאָר, זיינען מייסטנטיילס פאַלש און פון דער לופט געגריפן, אָבער זי האָט דאָך אַ גרויסן קאסנדערפאָלג גע-

האָט, ווייל ערשטנס האָבן זי די שוישפּילער גוט געשפּילט, צווייטנס, איז די קאָמפּאָנירטע מוזיק [זייפערט גיט אָן אַלס קאָמפּאָניסט ניט מאָגולעסקאָ, נאָר גבריאל פּינקעלשטיין] צו איר פּאָרטרעפלעך און דריטנס, איז נאָך דאַמאָלט דער פּאַקט פון טיסאַ עסלער-בלבול פריש געווען".

אב. קאהאן שרייבט וועגן דער אויפירונג: „פּראָפעסאָר" הורוויץ האָט געשפּילט דעם פּאַרטיידיקער, מען האָט גלייך געקענט זען, אַז ער רעדט ניט לויט אַ געשריבענער ראָלע, נאָר, אַז ער האַלט סתם אַ רעדע. ביי דרייפערטל שטונדע האָט ער אָפּגערעדט, און וואָס האָט ער דאָרטן ניט אַריינגעזאָגט, און אַלץ אויף „דייטשמעריש", נאַטירלעך, דעם נעקסטן מאָל פלעגט ער האַלטן אַן אַנדער רעדע".

ב. גאָרין שרייבט וועגן דעם: „דאָס איז געווען די איינציקע פּיעסע אויף דער יידישער בינע, וואָס איז געגאַנגען מיט אַ פאָרט-זעצונג. דידאָזיקע פּיעסע האָט זיך אין איין נאַכט ניט געענ-דיקט און די צושויער האָבן געמוזט קומען אַ צווייטן אָוונט צו זען דעם סוף. דאָס שטיק האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, נאָר מער פּיעסען מיט פאָרטזעצונגען האָט ער ניט געשריבן (די פּיעסע אין דער ערשטער פאָרטזעצונג האָט געהייסן: „טיסאַ עסלער אָדער די פאַרשווערונג, אין 5 אַקטן און 15 בילדער" און אין דער צווייטער פאָרטזעצונג: „דער פּראָצעס פון טיסאַ עסלער, אין 4 אַקטן און 12 בילדער".].

„אין „טיסאַ עסלער" האָט הורוויטש געמאַכט אַ פאַרזוך אויפצו-כאַפּן אַ גרויסע סענסאַציע, וואָס האָט אויף דער מינוט געהאַלטן געשפּאַנט אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, און מאַכן דערפון אַ דראַ-מע. דער בלבול פון טיסאַ עסלער איז דאַמאָלט נאָך געווען פריש ביי אַלעמען. יעדער ייד האָט זיך אינטערעסירט מיט דעם דאָזיקן בלבול און דאָס איז געווען אַ לעבעדיקע טאָגעס-פראַגע. דער ער-פאָלג פון דעם שטיק האָט אים געוויזן, אַז מיט אַזעלכע שטיקער קאָן מען אויף דער הייסער מינוט פאַראינטערעסירן אַ פּובליקום, און ווען עס האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ פאָלקס-צרה אָדער אַ מדינה-אומגליק, האָט ער זיך געאיילט אָנצוואַרפן דערפון אַ דראַמע".

יעקב מעסטעל גיט איבער, אַז אין 1913 האָט ער אין „פּאַמול ווערדי", יאַסי (דיר. אשכנזי, רעזש. לאַרעסקו), געשפּילט אין דער-זעלבער פּיעסע א"נ „טיסאַ עסלער". די פּיעסע איז געשפּילט גע-וואָרן מיט קירצונגען (אַלס איין-אָוונט פּיעסע) און איז געווען אַ גרויסער קאַסע-דערפאָלג.

ה.'ס צווייטע פּיעסע איז געווען „שלמה המלך, אָדער, די ליבע אויס שיר השירים, אין 5 אַקטן, 15 בילדער מיט פּראָלאָג און עפּילאָג", און מיט דעם שטיק הייבט זיך אָן — לויט ב. גאָרין — דער וויכטיקסטער טייל פון דער אַרבעט, וואָס ה. האָט געליפערט פאַר דער יידישער בינע: דאָס הייסט, די „היסטאָרישע אָפּערע-טע". דידאָזיקע פּיעסע האָט ווידער געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און צוליב דער קאָנקורענץ צווישן די צוויי דאַמאָלטיקע יידישע טעאַטערס אין ניו-יאָרק, האָט מען אין צווייטן טעאַטער אויפגעפירט אַן ענלעכע פּיעסע „משפט שלמה" פון דעם דאָרטיק-אָנגעשטעלטן דראַמאַטורג יאָזעף לאַטיינער.

מ. זייפערט, וועלכער האָט בייגעוואוינט די אויפירונג, שרייבט: „נאָך „טיסאַ עסלער" האָט מען אין רומעניע אָפּערע הויז אויפ-געפירט די אָפּער [?] „שלמה המלך". אונד זי האָט שוין אַ גרעסערן ערפאָלג געהאַט נאָר איבער די [דער] מוזיק אַליין, דען דער אינהאַלט פון דער אָפּער אַליין האָט אַזאַ צוזאַמענהאַנג מיט שלמה המלך ווי דער ספר מנורת המאות מיט אַ שונד-ראָמאַן. דער פּראָפעסער הורוויטש הלוי האָט אין „שלמה המלך" פאַר די האָר אַריינגעשלעפּט אַ גאַנצן אַקט פון דער היסטאָרישער דראַמע „בעליזאר", וואָס האָט מיט דער פּיעסע קיין שום שייכות ניט".

נאָך „שלמה המלך" איז אין רומעניע אָפּערע הויז אויפגעפירט געוואָרן אין 1887 ה.'ס „יהודה און ישראל, אָדער, שמע ישראל, היסטאָרישע אָפּערעטע אין 4 אַקטן", וועלכע ה. האָט טיילווייז איבערזעצט און טיילווייז באַאַרבעט פון דער דייטשער פּיעסע „די צוויי סערזשאַנטן".

אין זעלבן יאָר (1887) איז אין זעלבן טעאַטער נאָך אויפגעפירט געוואָרן ה.'ס „דאָן יאָזעף אברבנל" אין 4 אַקטן [מוזיק פון גבריאל פּינקעלשטיין], וואָס ה. האָט — לויט ב. גאָרין — „גענומען" פון קאַצעבוים „ערעמיט אויף פאָרמענטעראַ". [די פּיעסע האָט ה. געשריבן צוליב דעם, וואָס אין קאָנקורירנדיקן טעאַטער האָט מען אַנאָנסירט ראובן ווייסמאַנס אַ פּיעסע „דאָן יצחק אברבנל"].

וועגן „דאָן יאָזעף אברבנל" שרייבט מ. זייפערט: „פּינקעל-שטיין און מאָגולעסקאָ האָבן צו איר צוגעמאַכט פּראַכטפולע מוזיק, אָבער זי האָט קיין ערפאָלג ניט געהאַט, ווייל זי איז עפּעס גלאַט אַזוי גראַם-שטראַם מאַך מיר אַ לעטניק. עס איז אין איר ניטאַ קיין אברבנל, נאָר עס דרייט זיך אין איר אַרום עפּעס אַ מין משונהדיקע בריאה, אַ האַלבער קאָזאַק אונד צוויי דריטל אינדיאַ-נער, וועלכן „פּראָפעסאָר" הורוויטץ האָט מיט געוואַלט אָנגעטאָן איין טלית-קטן אונד האָט אים געהייסן שרייען אויף דער בינע, אַז ער איז איין אברבנל".

„אין דעם זעלביקן יאָר [1887] — שרייבט מ. זייפערט ווייטער — האָט מען אין „רומעניע אָפּערע-הויז" אויפגעפירט אַ נייע פּיעסע פון הורוויץ הלוי מיט דעם נאָמען „דער שבתי צבי", אונד כאָטש דער נאָמען פּאַסט זייער ווייניק אָדער גאָרניט צו דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע, מוזן מיר דאָך צוגעבן, אַז זי איז איינע פון די בעסטע קאָמעדיען אין דעם יידישן טעאַטער-רעפּערטואַר. ווי וויט אונז איז באַקאַנט, איז דאָס די איינציקע אָריגינעלע פּיעסע, וואָס הורוויטץ הלוי האָט געשריבן [לויט ב. גאָרין איז דאָס אַ פרייע באַאַרבעטונג פון אהרן האַלע-וואָלפזאָנס „לייכטזין אונד פרעמעליי"]. מיר געפינען אין איר עכטע יידישע טיפּן אונד כאַ-ראַקטערן מיט גרויס טאַלאַנט געשילדערט און בכלל איז דאָס איין נאַטור-טרייעס בילד פון דעם חסידישן לעבן.

„די פּיעסע איז דורכגעפאַלן נאָר דאַרום, ווייל עס האָט זיך שוין דאַמאָלט געבילדעט גאָר איין אַנדער קלאַס פּובליקום, אַ פּובליקום, וואָס האָט אויף דער בינע געזוכט ניט מער ווי אַ ציינישן קופּלעט, אַ טענצל אונד גרויסאַרטיקע דעקאָראַציעס. אונד דאָס האָט די פּיעסע „דער שבתי צבי" ניט געהאַט. זי האָט אין זיך געהאַט אַ גאַנצע מאַסע תלמודישע וויצן. אונד דאָס פּובליקום האָט זיי ניט פאַרשטאַנען. . . . שפּעטער, אין עטלעכע יאָר אַרום, האָט איר הורוויטץ הלוי אומגעאַרבעט אָדער [אָבער] ער האָט זי אינגאַנצן פאַרדאָרבן. ער האָט פון ל'אַרדאָנזשעס פּיעסע „מיין לעאָפּאָלד" דעם כאַראַקטער פון דעם „מוזיק-לערער" אַרויסגענומען אונד האָט עס מיט טשוועקעס אַריינגעשלאָגן אין זיין נייעם „שבתי צבי"."

די קאָנקורענץ צווישן די טעאַטערס האָט געפירט דערצו, אַז ביי-דע טעאַטערס האָבן זיך געמאַטערט. „...די פיינדשאַפט פון איין טעאַטער צום צווייטן — שרייבט גאָרין — איז געוואַקסן אַלץ גרע-סער. וואָס ווייטער איז די שנאה אַלץ מער פאַרשאַרפט געוואָרן, די טעאַטערס האָבן זיך שוין ניט באַגנוגנט דערמיט, וואָס איי-נער האָט אויסגעכאַפּט אַ טיטל אָדער דעם אינהאַלט פון אַ פּיעסע פון צווייטן טעאַטער. די ביטערע קאָנקורענץ האָט זיך דערמיט שוין ניט געקאָנט שטילן. די דירעקטאָרן האָבן אַרויסגעלאָזט קליי-נע אַפישן, אין וועלכע זיי האָבן געוואָרפן שמוץ איינער אויפן אַנדערן און אויסדערציילט איינער אויפן צווייטן וואָס אין קאָרט שטייט. די הויפּט-אויפגאַבע פון איין טעאַטער איז געווען צו דיסקרעדיטירן דעם צווייטן טעאַטער. אַ חוץ די אַפישן האָט מען

געהאַלטן רעדעס פון דער בינע און געגאָסן פעך און שוועבל איינער אויף די אַנדערע. מען האָט אויך פאַרפאַסט ספּעציעלע קופּלעטן און אַריינגעשטוקעוועט זיי אין די פּיעסען. אין דידאָזיקע קופּלעטן האָט מען אָפּגעלאַכט, חוזק געמאַכט פון די אַקטיאָרן פון דעם צווייטן טעאַטער".

די לאַגע פון דער טרופּע אין רומעניע-אָפּערע-הויז איז געווען אַזוי קריטיש, אַז אַ טייל מיטגלידער האָבן באַשלאָסן צו געבן אין מיטן זומער איניקע פאָרשטעלונגען, כדי זיך שאַפן אויף הוצאות צוריק צו פאָרן קיין אייראָפּע. צו יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צווישן די אימיגראַנטן, צו גרינדן לאַנדסמאַנשאַפטן און ענלעכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט אונטערשטיצונגס-אַרבייט און מיט פאַרקויפן קרקע פאַר זייערע מיטגלידער. האָט ה. אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון אַ ענלעכער אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „דודס האַרפע", וואָס זאָל פאַרבינדן פאַרגעניגן מיט אונטערשטיצונג: פאַר 1 דאָלאַר איינטריט-געלט אין „דודס האַרפע" און פאַר 2 דאָלאַר מיטגלידער-אָפּצאָל — האָט יעדער מיטגליד באַקומען בילעטן אין יידישן טעאַטער און נאָך זיין טויט האָט די אַלמנה באַקומען די באַטרעפנדע סומע פאַרזיכערונגס-געלט.

עס איז באַלד געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמיטעט און „דידאָזיקע קאָמיטע — שרייבט אב. קאַהאַן — מיט פּראָפעסאָר מ. איש הורוויץ הלוי אַלס פירער, און באַגלייט מיט אַ טעאַטער-כאָר, פלעגט גיין פון לאַדזש [אָרגאַניזאַציע] צו לאַדזש. אומעטום האָט דער פּראָפעסאָר געהאַלטן אַ דייטשע רעדע וועגן דודן מיט זיין געטלעכער האַרף. . . . נאָך דער רעדע פלעגט דער כאָר זינגען אַ קאַפּיטל תהלים וועגן דודן און זיין האַרף. דער עולם איז אומעטום אַזוי באַגייסטערט געוואָרן, אַז מען האָט ניט געפרעגט קיין קשיות און צוויי-דאָלאַרדיקע זיינען געפאַלן ווי שניי".

אין משך פון אַ קורצער צייט האָט „דודס האַרפע" באַקומען 900 מיטגלידער און ס'איז לכבוד דער גרינדונג פון דער אָרגאַניזאַציע איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גאַלאַ-פאָרשטעלונג אין פּולס טעאַטער (8טע סטריט און דריטע עוועניו) מיט אַ פייערלעכער פּראָצעסיע איבער די גאַסן פון ניו-יאָרק, וועלכע גאָרין שילדערט אַזוי: „אין דעם טאָג פון דער פּראָצעסיע איז איסט בראָדוויי [דער יידישער קוואַרטאַל פון ניו-יאָרק] ווי אויך די אַרומיקע גאַסן געווען שוואַרץ מיט מענטשן. אַ טייל מיטגלידער האָט מען באַזאָרגט מיט פערד. אין דער שפּיץ איז געווען מ. הורוויטש, און צוויי פרויען אין ווייסע קליידער האָבן אים געפירט מיט גרויס פּאַראַד אונטער די הענט. די פּראָצעסיאָן האָט זיך אָנגעהויבן מיט די פרייליכע קלאַנגען פון מוזיק און וואָס לענגער די פּראָצעסיאָן האָט זיך געצויגן, אַלץ גרעסער און געדיכטער איז געוואָרן דער עולם. מיט גרויס פּאַראַד האָבן די מיטגלידער אַריינגעמאַרשירט אין טעאַטער און מיט גרויס כבוד האָט מען מ. הורוויטש אַרויפגעפירט אויף דער בינע".

בעת די רעדעס אין טעאַטער האָבן מאַנכע רעדנער באַטאָנט, אַז אַזאַ געדאַנק האָט נאָר געקאָנט איינפאַלן אַ גרויסן פּראָפעסאָר, און זייט דעמאָלט — באַמערקט שלום פּערלמוטער — האָט מען דעם גרינדער פון דער געזעלשאַפט אָנגעהויבן רופן „פּראָפעסאָר".

ה. צוזאַמען מיט אַ געוויסן מר. שרייבער האָבן אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט „דודס האַרפע" גענומען דאָס פּולס טעאַטער און אויפן סעזאָן 1887-8 אַריינגענומען אַ טרופּע אויף שכירות. דאָ איז אויף דער פייערלעכער דערעפנונג אויפגעפירט געוואָרן ה.'ס אַ פּיעסע „דודס האַרפע", לויטן נאָמען פון דער געזעלשאַפט.

די פאָרשטעלונגען אין פּולס טעאַטער זיינען אַוועק אויסגעצייכנט. נאָך די הונגער-יאָרן האָבן איצט די אַקטיאָרן אויפגעלעבט. ה.'ס פּלאַן פון פאַראייניקן טעאַטער מיט אַן אָרדען, האָט געאַרבעט אויסגעצייכנט, מען האָט געשפּילט אַלטע פּיעסען און דאָס טעאַטער איז געווען פול.

שפּעטער אין סעזאָן (1887-88) האָט מען אויפגעפירט ה.'ס אַ נייע פּיעסע „די ציגיינערין".

אָבער די לאַגע האָט זיך באַלד געענדערט. וועגן דעם שרייבט ב. גאָרין: „מ. הורוויטש, דער איניציאַטאָר פון דעם פּלאַן, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי דערפאָלגרייך, האָט זיך באַלד דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק, אַז ניט דער טעאַטער איז באַשאַפן געוואָרן פאַר דעם אָרדען, נאָר, אַז דער אָרדען איז באַשאַפן ספּעציעל פאַרן טעאַטער און אַזוי ווי דער טעאַטער איז געווען ער, האָט עס געדאַרפט הייסן, אַז דער גאַנצער אָרדען איז באַשאַפן געוואָרן פאַר אים. ער האָט דעריבער געוואָלט קריגן יעדן אַמט אין דעם אָרדן און פילן זיך ווי דער אייגנטימער פון דעם אָרדען. דערמיט האָט ער קענן זיך אויפגעבראַכט די אַנדערע באַאַמטע און עס האָט זיך צווישן זיי אָנגעהויבן פריער אַ שטילע רייסעריי און באַלד נאָכדעם אַן אָפענער קריג. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די רייסעריי איז איבערגעגאַנגען אין געריכט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ חתונה מיט געזעצלעכע אסורים. עס האָט ניט זעלטן פּאַסירט, אַז אין איין וואָך זאָלן זיך צוויי מאָל בייטן די בעלי-הביתים אין קאַסע. . . . און די „האַרפע-דאַווידס", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ גוואַלדיקן פּויקן און טראָמפּייטן, איז צעבראָכן געוואָרן און הורוויטש איז געוואָרן אויס קאַפּעלוש-מאַכער".

[פון אַ בריוו אין רעדאַקציע („דער פאָלקס-אַדוואָקאַט" נומ. 13, 1888) איז צו זען, אַז מען האָט ה.'ן דערוווייטערט פון אָרדען און אויף זיין אָרט באַשטימט מאָגולעסקאָן.]

ה. הויבט איצט אָן וואַנדערן איבער פאַרשיידענע טעאַטערס. אין יענער צייט האָט ער — לויט ב. גאָרין — אָנגעשריבן די פּיעסען: „סולטאַן מחמד אָדער קאַרבעם [קרבן] בייראַם, אין 5 אַקטן און 9 בילדער"—אויפגעפירט אין 1888, „עמי און נעמי, אָדער ראַביינער, סאָלדאַט און ניהיליסט" און „קדוש השם אום ראש השנה אָדער די וואַהרזאָגערין, היסטאָרישע מעלאָדראַמע אין 5 אַקטן" — אויפגעפירט אין 1889.

לויט שלום פּערלמוטער איז ה. צוערשט אַוועק אין אָריענטאַל-טעאַטער (ביי היינע), און באַלד דערנאָך אַריבער אין פּולס טעאַטער, וואו ער האָט אין 1889 אויפגעפירט זיינע נייע פּיעסען: „קאַפּיטאַליסטן און אַרבעטער" און „אליהו הנביא, אָדער, דער מיליאָנער און בעטלער, פאַנטאַסטישע אָפּערעטע אין 5 אַקטן און פּראָלאָג".ביידע פּיעסען זיינען דורכגעפאַלן.

אין 1890 האָט ה. אין טאַליאַ-טעאַטער אויפגעפירט זיין צייט-בילד „דער מבול פון דזשאַנסטאָן" [אויך יאָהאַן פּאַליי האָט געשריבן אַ פּיעסע אויפן זעלבן נאָמען פאַרן טאַליאַ-טעאַטער] און — לויט ב. גאָרין — די פּיעסען: „שמשון הגבור, היסטאָרישע אָפּערעטע", און „דוד בן ישי, אָדער, דער נאָכפאָלגער פון שאול, היסט. אָפּער. אין 5 אַקטן".

אין 1891 איז — לויט ב. גאָרין — אויפגעפירט געוואָרן ה.'ס „נבוכדנצר מלך בבל, אָדער, דניאל אין לייבנגרוב, היסט. אָפּער.". אין 1892 — „די העלדן פון האָמסטעד, צייט בילד", „בת כהן, אָדער אַלעקסאַנדראַ המלכה" און „אדם און חוה, אָדער, דער פאַרלוירענער גן-עדן". אין 1893 — „יהודה הגלילי, אָדער, דער פּרינץ פון בית-לחם" [„די עקדה, אָדער, פּרינץ פון בית-לחם, ביבלישע אָפּערע אין 4 אַקטן און 12 בילדער, מוזיק פון מאָגולעסקאָ און פרידזעל", אויפגעפ. 25 סעפּט. אין ווינדזאָר-טעאַטער], „מוטער-ליבע" און „רבנו גרשם, אָדער, דער קייזער באַזיליוס דער צווייטער". דעם 12 יאַנואַר 1894 — „מאָנטע קריסטאָ" [אַ באַאַרבעטונג פון דיומאַס ראָמאַן], און אין זעלבן יאָר „די בלוטיקע האָכצייט אין קאַטהערי-

נאָס ציִיטן“ און „די קרבנות פון שלעכטע צייטן“. אין 1895 — „יונה הנביא, אָדער, די רייזע דורך וואַסער און פייער, פאַנטאַסטיש ביבל. אָפער. אין 4 אַקטן“ [בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט אין אירע זכרונות: „יונה הנביא“ האָט געזאָלט זיין אַן אמתע באָמבע, ווייל מען האָט אַדווערטייזט [אַנאָנסירט], אַז עס וועט זיין אַ לעבעדיקער פיש, וואָס וועט איינשלינגען יונהן . . . נאָר, ס'איז געקומען צום איינשלינגען, איז דער פיש דערוואָרגן געוואָרן“], ווייטער — „קארלייל הערים, צייט בילד“, „אברהם אבינו אין קאַלךְ-אויוון, אין 4 אַקטן און 8 סצענעס“ און „דער כוזרי, אָדער, די יידישע מלוכה אין קאַווקאַז“.

בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט: „. . . פירן מיר אויף אַ נייע פיעסע, מיט אַ געזאַנגס-ראָלע, געשריבן ספּעציעל פאַר רעגינא פראַגער, פון פּראָפעסאָר הורוויץ. די פיעסע האָט געהייסן „כוזרי“ און די מוזיק איז געווען פון זיגמונד מאָגולעסקאָ. . . . דאָ איז אַרויסגעקומען די יידישע פּרעסע און געמאַכט אַ שטיקל טומל, כמעט אַ סקאַנדאַלטשיקל, איבער אַ געוויסן קופּלעט, וואָס בערנשטיין האָט געזונגען אין דער פיעסע „כוזרי“. . . . נו, מאָלט אייך, אַז קיין סך קליינע קינדער זיינען פון דעם זינדיקן לידל ניט געשטאָרבן. אָבער מאָראַל איז מאָראַל און אַ געוויסע צייטונג האָט אויסגעגאָסן איר גרימצאָרן אויף פּראָפעסאָר הורוויץ פאַר אָט דעם חלול השם.

„פּראָפעסאָר הורוויץ איז געוואָרן שטאַרק אין כעס פאַר אַזאַ מין „קריטיק“ און ער האָט זיך אָפּגערעכנט מיט דער באַטרעפנדער צייטונג פון דער בינע. ער האָט „געלעקטשורט“ און באַוויזן מיט בילדער פון פאַריזער מוזעאום, אַז „אָט זעט, גוטע מענטשן, זעט אַליין, אין פאַריז שטייען אין מוזעאום ממש נאַקעטע בילדער און סטאַטועס, און פונדעסטוועגן שאַדעט ניט די נאַקעטקייט, אַז די בילדער זאָלן זיין קונסט, די אמתע קונסט איז נאַקעט“. „כוזרי“ האָט פון דעם סקאַנדאַלטשיקל אַ סך געוואונען. די פיעסע איז געלאָפן אפשר פערצען וואָכן. אַזאַ סוקסעס איז דערפון אַרויסגעקומען. די אויסשטאַטונג איז געווען אַ וואונדער-שיינע“.

אין 1896 זיינען — לויט ב. גאָרין — אויפגעפירט געוואָרן ה.'ס „בני משה, אָדער, די יידן אין כינע“ און „ברכה, אָדער, דער יידישער קעניג פון פוילן אויף איין נאַכט (דעם 18-טן אויגוסט 1857)“.

באָריס טאָמאַשעווסקי, וועלכער האָט געשפּילט אין דער פיעסע, (אין וועלכער מ'האָט אַריינגעשטעלט דאָס ליד „אלי, אלי“, מוזיק פון י. סענדלער) שרייבט: „דאָס שטיק אַליין פאַר זיך איז געווען אַ ביליקע מאַכערייקע, עפּעס אַן איבערזעצונג פון דייטש אָדער רומעניש. עס האָט זיך ניט געקלעפּט איין סצענע צו דער אַנדערער. מיר האָבן אַלע חוזק געמאַכט פון דער פיעסע, פון אונזערע ראָלן, פון דער מוזיק, און וואָס מער מיר האָבן חוזק געמאַכט, און וואָס מער מיר האָבן אָנגעקוקט ווי משוגע דעם עולם, וואָס קומט אין טעאַטער אַריין זען „ברכה“, אַלץ מער זיינען זיי געקומען“.

אין זעלבן יאָר זיינען נאָך אויפגעפירט געוואָרן ה.'ס „באַרניי באַרנאַטאַ, לעבנסבילד“, „כתב תורה, אָדער, דער רמב"ם אין עגיפּטן“ און „מערי בערבערי, צייטבילד“. אין 1897 — „קובאַ, אָדער, גענעראַל מאַצעבוס העלדנטאַטן, צייטבילד אין 4 אַקטן“, „דר. בוקענין, צייטבילד“, „ארץ ישראל ליבע, אָדער, דער רבי און דער צאַר, לעבנסבילד“, „נחס תיבה, אָדער דער זינדיקער דור המבול, ביבליש היסטאָר. אָפּער. אין 4 אַקטן 12 בילדער“, „אַ יידישע נשמה, אָדער אויסגעוואַקסן אין קלויסטער, האַלב-היסטאָרישעס לעבנסבילד אין 4 אַקטן“, „בית יעקב אבינו, אָדער שמעון און לוי אחים“, „דאָס לעבן אין קלאָנדייק, צייטבילד“, „טהאָרן און מרס.

נאַק“ און „יפת תואר, אָדער בלעם הרשע, פאַנטאַסט. אָפּר. אין 5 אַקטן“. אין 1898 — „יהושע בן נון, אָדער דער פאַל פון יריחו, היסטאָר. אָפּער.“, „די שפּאַנישע קרבנות, אין 4 אַקטן“, „יחזקיהו המלך, אָדער, די רייזע פון קאַווקאַז, היסט. אָפּער. אין 4 אַקטן“ און „קאַפּיטאַן דרייפוס, אָדער, געהיימניסע פון פאַריז, אין 4 אַקטן, 17 בילדער“. אין 1899 — „די העלדן פון סאַנטיאַגאָ, אָדער פּאַטריאָטיזמוס און ליבע, צייט-בילד“, „נקדימון בן גוריון, אָדער דער גליקליכער פאַסטוך“, „דרייפוס, אָדער, צום צווייטן מאָל פאַראורטיילט און דאָך אומשולדיק“ און „חכמת נשים, היסט. אָפּער. [גענומען פון דער דייטשער פיעסע „די העקסע“]“. 1900 — „זכות אבות, אָדער רב, פּרעדיקער און גלח, לעבנס-אָפּערע“ און „דער משוגענער פילאָזאָף“.

„די לאַגע פון די פּאַטענטירטע שרייבער — שרייבט ב. גאָרין וועגן יענער צייט — איז מיט יעדן יאָר געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. זייער פירמע האָט שוין אַזוי גוט ווי געפּלאַצט. לאַטיינער איז כמעט אַרונטערגעשטופּט געוואָרן פון דער בינע און הורוויטש האָט געקעמפט מיט די לעצטע כחות. זיינע שטיקער זיינען געפאַלן איינס נאָכן אַנדערן און אויב ער האָט זיך ביז איצט געהאַלטן מיטן זכות פון די פריערדיקע ערפאָלגען, איז ער אים שוין מער ניט בייגעשטאַנען, עס האָט אויסגעזען, אַזוי ווי הורוויץ האָט פאַרלוירן דעם דופק פון דעם טעאַטער-גייער און קאָן אים מער ניט אָנטאַפּן. אין דער צייט האָט ניט זעלטן פּאַסירט, אַז אַ שטיק וואָס ער האָט אויפגעפירט פרייטאָג אָוונט, זאָל שוין שבת גיין צו קבורה. ביים טעאַטער האָט מען ניט באַגריפן, אַז דאָס קומט פאָר דער לאַנגזאַמער אַקט פון אַן איבערגאַנגס-עפּאָכע און אין אַזאַ צייט פאַלן אַלע שטיקער, סיי קלוגע, סיי נאַרישע, סיי בעסערע, סיי ערגערע. מען האָט די שולד געוואָרפן אויף די צוויי אויטאָרן, און עס האָט שוין געהאַלטן, אַז הורוויטש זאָל גיין דעם זעלביקן וועג וואָס זיין קאָלעגע לאַטיינער“. אָבער ה. מיט הייִנע נעמען איבער דאָס ווינדזאָר טעאַטער און ה. פאָרט קיין רומעניע ברענגען נייע אַקטיאָרן (קלמן יאָוועליר, פּיטער גראַף, יעקב זילבערט, סעמיועל ראָזענשטיין, א. שראַגע א. א.) — און דאָס האָט — לויט ב. גאָרין — „פאַרלענגערט הורוויצס אָנהאַלט ביים טעאַטער אין אַ צייט, ווען דאָרטן איז פאַר אים מער קיין פּלאַץ ניט געבליבן . . . הורוויטש [איז] געוואָרן פיל תקיפער ווי ער איז ווען געווען און דאָ [אין ווינדזאָר] האָט מען געשפּילט דעם זעלביקן סאָרט שטיקער, מיט וועלכע ער האָט זיך קונה שם געווען. דאָ האָט מען ווייטער געשפּילט די היסטאָרישע אָפּערעטע אַזוי ווי אין די פריערדיקע צייטן, ווי עס וואָלט קיין שום ענדערונג ניט פאָרגעקומען ניט אין דעם געשמאַק פון דעם פּובליקום און ניט אין דעם געשמאַק פון די אַקטיאָרן. איבעריגנס, דער דאָזיגער טעאַטער האָט זיך באַוואָרנט מיט אימפּאָרטירטע אַקטיאָרן, וועלכע זיינען געווען אינגאַנצן אומבאַרירט פון דעם נייען [ם] גייסט פון דער יידישער בינע אין אַמעריקע“.

ווייטער שרייבט ב. גאָרין: „אין ווינדזאָר טעאַטער האָט מען אויפגעפירט (סעפּטעמבער-אָקטאָבער 1901) אַ שטיק מיטן נאָמען „בן הדור“ פון מ. הורוויטש [בן הדור, היסטאָרישע אָפּערעטאַ אין 4 אַקטן פון פּראָפעסאָר י. האָראָוויטץ, מוזיק פון פּערעלמוטער עט וואהל, פּיעטרקוב תרס"ז [1907, 60 ז. 16°], פערלאַג די „יודישע ביהנע“] און דער ערפאָלג איז געווען אַזאַ, וואָס מען האָט שוין יאָרן און יאָרן ניט געזען אין טעאַטער. מען האָט געשפּילט „בן הדור“ דריי און צוואַנציק וואָכן נאָכאַנאַנד, דאָס הייסט, דריי פערטל סעזאָן . . . דער „בן הדור“ איז ניט געווען קיין נייע שטיק. מיט יאָרן פריער האָט מ. הורוויטש אויפגעפירט עס אונטער אַן

אַנדער נאָמען. דאַמאָלט האָט עס געהייסן „יחזקיה המלך“ און עס איז דורכגעפאַלן, און ווען אפילו ער וואָלט עס אויסגעבעסערט, האָט עס אונטער געוויינלעכע אומשטענדן קיין גרויס ערפאָלג ניט געקאָנט האָבן, ווייל דאָרטן איז אויסער דעם רעגן ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל אַזוי נעמען אַן עולם.

„דער אויסעראָרדנטלעכער ערפאָלג פון „בן הדור“ איז געקומען גאָר פון אַ זייטיקער זאַך. עס איז געווען דאָס יאָר וואָס יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון רומעניע און אַ גרויסע צאָל פון זיי זיינען אָנגעקומען אין ניו-יאָרק. דידאָזיקע פאַרוואָגלטע וואַנדערער האָבן אין ווינדזאָר-טעאַטער געטראָפן דאָס גאַנצע ביסל אָרעמקייט, וואָס הורוויטש האָט אימפּאָרטירט פון רומעניען. אין ווינדזאָר-טעאַטער האָבן זיי געטראָפן אַלע יענע רומענישע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן זיי אונטערהאַלטן אין יאַסי, אין באַטושאַן, אין בראַאילאַ, אין גאַלאַץ, אין בוקאַרעסט אין אַ משך פון לאַנגע יאָרן און זיי זיינען געלאָפן אין ווינדזאָר ווי אין אַ באַקאַנטן טעאַטער. פאַר זיי איז „בן הדור“ געווען די סאַמע ריכטיקע סחורה, ווייל קיין בעסערס האָבן זיי ניט געזען און דאָס האָט געמאַכט מעגלעך, אַז אַ שטיק, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר פריער דורכגעפאַלן, זאָל זיך איצט קאָנען האַלטן דריי פערטל סעזאָן. נאָר בשעת מעשה האָט קיינער ניט באַגריפן די אורזאַך און מען האָט שוין אָנגעהויבן צו ריידן גאַנץ הויך, אַז עס איז צייט צוריקצוקערן זיך צו די פריערדיקע אויטאָרן [הורוויץ און לאַטיינער] און אָפּרייבן פון דער בינע יעדן סימן פון דער רעאַליסטישער דראַמע“.

אין זעלבן יאָר (1901) איז — לויט ב. גאָרין — נאָך אויפגעפירט געוואָרן ה.׳ס „די מוזינקע, אָדער, די טליתים-וועבער“. אין 1902 — [אין מערץ] „די צוויי תנאים, היסט. אָפּער.“, „דער פייער-מבול, אָדער די יידן אין סענט פּיער, צייטבילד“, „יעקב און עשו, ביבל. אָפּער.“ און „דער לאַדזשען-פּרעזידענט, געזאַנג-דראַמע“. אין 1904 — „די בני ישראל, אָדער, די ווייסע און שוואַרצע יידן (די פאַרלוירענע עשרת השבטים), היסט. אָפּער.“, „קאַצאַפּס מפּלה, אָדער יאַפּאַן דער שליח פון גאָט, צייטבילד“ און „חורבן קעשעניעוו, אַ צייטבילד“.

נאָך „בן הדור“ איז שוין דער דערפאָלג אין ווינדזאָר-טעאַטער געווען אַ פּיל קלענערער. ב. גאָרין שרייבט וועגן דעם: „שוין אויפן דריטן סעזאָן האָט הורוויץ געזוכט צו ראַטעווען זיין טעאַטער דערמיט, וואָס ער האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַן אָפּערע-הויז. ער האָט אַריבערגעבראַכט פון אייראָפּע אַ קאָמפּאַניע זינגערס און מען האָט אין ווינדזאָר אָנגעהויבן צו שפּילן אָפּערעס. ער האָט אַליין ניט באַגריפן, אַז דערמיט שרייבט ער אונטער פאַר זיך אַליין אַלס אויטאָר אַ טויט-אורטייל, ווייל ווען אפילו די אונטערנעמונג זאָל געלינגען, האָט ער אַלס דראַמען-שרייבער גאָרניט צו טאָן דערמיט. נאָר ער האָט קיין ברירה ניט געהאַט. ער האָט געזען דעם גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון דער דראַמע און איז געקומען צום שלוס, אַז אויף דער יידישער בינע איז שוין מער קיין פּלאַץ ניט געבליבן פאַר דעם סאָרט שטיקער, וואָס ער און זיינע קאָלעגן האָבן געשריבן און דאָס איז געווען דער לעצטער סעזאָן, וואָס ער איז געווען פאַרבונדן מיטן טעאַטער. די אונטערנעמונג מיט דער אָפּערע איז געווען אַ דורכפאַל און ער האָט פאַרלוירן יעדן סענט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. איבריגנס, ער האָט קיינמאָל קיין געלט ניט געהאַט און ער האָט פאַרלעבט פּיל [וויפל] ער האָט פאַרדינט. ער איז פון האַרצווייטאָג פאַראַליזירט געוואָרן“.

לויט אַ רשימה פון ב. גאָרין זיינען נאָך געשפּילט געוואָרן פאָלגנדיקע ה.׳ס פּיעסן: „עוזר לייזער, געציל מיכאל“ (נאָכן שטייגער פון גאָלדפאַדענס „רעקרוטן“). „אליהו הנביאס שלאָף-מיצל“, „אָפּגעקומענער עושר“ (אויך „ווייסטער אינזעל“), „די וועשין“ (נאָך גאָלדפאַדענס „קאַפּריזנע טאָכטער“), אַ געגרייטע איבערזעצונג פון גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ“, „דער פאַרקויפטער שלאָף“ (פון דייטש), „עתליהו“ (נאָך ראַסין) [געדרוקט אָן וויסן פון מחבר, א״נ „עתליהו אָדער דיא קרעהנונג פאַר קעניג יואש, ביבלישעס שוישפּיעל אין 4 אַקטען פאָן משה איש הלוי הורוויטש“, פערלאַג פאָן אהרן פויסט, בוכהאַנדלונג אין קראַקויא, 1903, 30 ז. 16°], „דער הויזירער“, „אונקלס הגר“, „בית דוד“ (דוד בן ישי) [געדרוקט, אָן וויסן פון מחבר, א״נ „בית דוד (דער שטאַמס דאַווידס), היסטאָרישע אָפּערעטע אין 4 אַקטען פאָן מ. האָראָוויטץ, מוזיק פאָן מ. פּערעלמוטער, פּאָדגורזע, תרס״ה, פערלאַג פאָן בנימין מונק, לעמבערג“, 56 ז. 16°] „הדסה“ [לויט ב. גאָרין אין דער הקדמה צו „דיא געשיכטע פון אידישען טעאַטער“, איז די פּיעסע דערשינען א״נ „שלמה גאָרגעל“, פאַרפאַסט פון י. לאַטיינער.], „עם-הארץ“, „ישעיהו הנביא“, „דער פעטער אין אַמעריקע“, „קאָלומבוס“, „וואַשינגטאָן“, „דאָס פּוילישע מלמדל“, „אַלעקסאַנדער מוקדון“, „דער טויטער קאָפּ“, „דער באַראָן הירש“, „באַראָן ראָטשילד“, „באָס און אַרבעטער“, „דער שוואָגער פון אַמעריקע“, „די יידן פון וואָרמס“, „דר. הערצל“ און „מאַריאַנאַ“.

דער גרעסטער טייל פון ה.׳ס פּיעסן זיינען איבערגעשריבן געוואָרן דורך סופלערן אָדער אַקטיאָרן און געבראַכט געוואָרן אין אייראָפּע, וואו זיי האָבן יאָרן-לאַנג פאַרנומען דעם אויבן-אָן אין רעפּערטואַר.

אין אַמעריקע איז געדרוקט געוואָרן בלויז אַ זאַמלונג לידער פון ה.׳ס אָפּערעטע „דער משוגענער פילאָזאָף“ (פ״ג „היברו פּאָבלישינג קאָמפּ.“).

איייניקע יאָר האָט ה., אין אַ פּאַראַליזירטן צושטאַנד, דערווייטערט פון טעאַטער, פאַרבראַכט אין ניו-יאָרקער „מאָנטעפיאָרע האָם“. דעם 4 מערץ 1910 איז ה. געשטאָרבן עלנט און פאַרלאָזן און זיין לויה, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַ קליינע צאָל אַקטיאָרן און טעאַטראַלן, איז פאָרגעקומען פון אַ שטאַל אין הויסטאָן סטריט.

ב. גאָרין כאַראַקטעריזירט אַזוי ה.׳ס דראַמאַטורגישע טעטיקייט: „. . . יאָזעף לאַטיינער און משה הורוויטש, וועלכע האָבן אין רומעניען און אין רוסלאַנד ווייניק געשאַפן, האָבן אין דער נייער היים אַריינגענומען די גאַנצע בינע אין זייערע הענט און נאָר מיט זייער זכות האָט זיך דער טעאַטער געהאַלטן אין דעם נייען[ם] לאַנד. זיי האָבן דעם וועג אויסגעטראָטן אין אַמעריקע פאַרן יידישן טעאַטער. זיי האָבן געליפערט כמעט אַלע שטיקער ביזן סאַמע סוף אַכציקער יאָרן און זיי האָבן זייער שטעמפּל געלייגט אויפן יידישן טעאַטער אין דער נייער היים. . . . אַלס אַקטיאָר האָט ער [ה.] באַשיינפערלעך געזען וואָס ביים עולם נעמט אויס, פון וואָס דער עולם האָט הנאה און פון וואָס דער עולם לעקט די פינגער. אַ חוץ דעם האָט ער אויך געוואוסט וואָס דעם אַקטיאָר שטעלט צופרידן און מיט וואָס ער נעמט זיך איבער . . . . . . עס קאָן זיין אַז אין די ערשטע יאָרן איז ער געווען פאַרנאַרט אין זיך און האָט געגלויבט, אַז ער איז געבענטשט מיט דעם טאַלאַנט צו שרייבן דראַמען. נאָר שפּעטער האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דעם טאַלאַנט דערצו האָט ער ניט. ווי אַ געניטער בעל-מלאכה האָט ער געוואוסט ווי ער דאַרף איינטיילן די דראַמע, וואו עס דאַרף זיין אַ לאַך, וואו עס דאַרף זיין אַ קנאַק. ער האָט געוואוסט, אַז אַן אַקטיאָר קאָן ניט אַרויפגיין אויף דער בינע און שוואַרצען דאָס פּנים. מען מוז אים געבן עפּעס, אַז ער זאָל כאַפּן אַ בראַוואָ און ער האָט די דראַמעס געמאַכט ווי אַ שניידער שניידט צו אַ בגד . . . . . . ער איז געווען אַן אַרכיטעקטאָר אין זיינע מייסטע דראַמען. ער האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פאַר אַ דראַמע, איינגעטיילט אין סצענען און דערמיט האָט זיך זיין אייגענע אַרבעט געענדיקט.

ווען עס איז געקומען צום אנשרייבען די סצענען, האָט ער געזאָגט צו זיך: שרייבן די סצענען קאָן איך ניט, דערצו דאַרף מען האָבען טאַלאַנט, נאָר דערפון דאַרף קיין מניעה ניט זיין; עס זיינען פאַר מיר געווען און עס זיינען איצט פאַראַן גענוג שרייבער ביי די גויים, וואָס באַזיצען דעם דאָזיקן טאַלאַנט און אַלץ וואָס מען דאַרף טאָן איז אָפּצוזוכן ענלעכע סצענעס אין זייערע ווערק.

„מ. הורוויטש האָט געהאַט אַ רייכע ביבליאָטעק, ער האָט פאַרשטאַנען דייטש און רומעניש און ווען ער האָט געדאַרפט, לאָמיר זאָגן, אַ סצענע פון ליבע, האָט ער אויפגעמישט אַ גויישע דראַמע, וואו עס געפינט זיך אַזאַ סצענע און האָט איר איבערגעשריבן אָדער אַדאַפּטירט און אַריינגעשטעלט אין זיין דראַמע . . .

„אַלס געניטער דראַמען-מאַכער האָט ער געוואוסט, אַז מען קאָן קיין גאַנצע גויישע פּיעסע ניט געבן דעם יידישן פּובליקום. דעם טאַלאַנט צו שרייבן אָריגינעלע יידישע פּיעסען האָט ער ניט געהאַט, האָט ער זיינע פּיעסען געמאַכט אַזוי, אַז אויפן קוק האָבן זיי אויסגעזען יידישע און אין אמתן זיינען זיי געווען ניט קיין יידישע און ניט קיין גויישע.

„אַ סך פּיעסען האָט מ. הורוויטש איבערגעמאַכט אויפן זעלביקן שטייגער ווי י. לאַטיינער און די אַנדערע דראַמען-מאַכער, וואָס האָבן געשריבן אין יענער צייט. דאָס הייסט, גענומען אַ גאַנצע גויישע ווערק, אומגעביטן די נעמען אויף יידישע, אַרויסגעוואָרפן דאָס לעבן און אַריינגעשטוקעוועט קאָמישע פּערזאָנען נאָכן געווייסן שאַבלאָן מיט וועלכן אויך לאַטיינער און די אַנדערע האָבן זיך באַנוצט . . . אָפּט זיצט מען אויף הורוויטשעס אַ שטיק און עס איז שווער צו באַשטימען, ווער איז דער פאַרפאַסער פון איר. עס איז רעכט, אַז דער פאַרפאַסער זאָל זיין לאַטיינער, צי פיינמאַן, צי הורוויטש, צי עפּעס אַן אַנדערער פון די דאָזיקע אויטאָרן. די מייסטע פון יענע סאָרט שטיקער זיינען אויסגעגאָסן פון איין פּורעם, איר זעט, אַז די מענטשן אויף דער בינע זיינען קיין מענטשן ניט, די ווערטער קלעבן זיך ניט איינס צום אַנדערן, די האַנדלונגען שלאָגן איינע די אַנדערע און פּלוצים ווערט איר נשתומם צו הערן פון אַ הילצערנעם מענטשעלע וואָס גייט אויף ספּרוזשינעס ווערטער, ביי וועלכע איר שפּיצט אויס נאָז און אויערן . . . . . ווערטער, וואָס גרייפן ביים האַרצן, רירן אָן די מענטשלעכע סטרונעס, אין אַזאַ שטיק פילט איר הורוויטשעס אויפטו. ביי די אַנדערע דראַמען-מאַכער וועט איר אַזאַ ערפאַרונג ניט האָבן.

„אין הורוויטשעס שטיקער, וואָס זיינען געבויט לויט דער דאָזיקער מעטאָדע קאָנט איר אָפּט טרעפן אַ סצענע, וואו עס שפּילן זיך אָפּ אמתע מענטשלעכע געפילן. דאָס איז די געבאָרגטע סצענע, וואָס ער האָט אַריינגעשלעפּט אין זיין אייגענעם סיוזשעט. נאָר די דאָזיקע סצענע קלעבט זיך געוויינלעך ניט צו די פּערזאָנען און צו די אומשטענדן. שטעלט אייך פאָר, אַז מיכל דער שטעפּער ווערט אייפערזיכטיק אויף זיין ווייב חייקע, נאָר אַנשטאָט אָנצושרייבן אַן אייפערזיכטיקע סצענע צווישן מיכל און זיין חייקע, נעמט דער פאַרפאַסער די אייפערזוכטס-סצענע פון „אָטעלאָ" . . . . . . דער סיוזשעט איז אָפּט אַזוי פאַרדרייט, אַז דאָס רוב ווייסט מען ניט וואָס עס קומט פאָר אויף דער בינע. עס איז גרינג צו זען, אַז ער פּאַסט אויף אַ דראַמע ניט ווי עפּעס אַ גאַנצעס, נאָר ווי באַזונדערע סצענעס, פון וועלכע עס פאָדערט זיך ניט קיין שטייפע צוזאַמענבינדונג.

„די פּיעסען, וואָס הורוויטש האָט געשריבן, דאַרפן איינגעטיילט ווערן אין דריי קלאַסן: היסטאָרישע, לעבנס-בילדער און צייט-בילדער און אין דעם זעט זיך ווידער אַ נייער אויפטו. הורוויטש איז געווען דער ערשטער צו שרייבן צייט-בילדער . . . . . . די צייט-בילדער האָט ער געשריבן גאָר אַנדערש ווי די אַנדערע פּיעסען. דאָ האָט ער זיך געהאַלטן שטרענג ביי די פאַקטן, אַזוי ווי ער וואָלט צוזאַמענגעקליבן אַלע פּראָטאָקאָלן און פונאַנדערגעסאָרטירט זיי אין סצענעס און אַקטן . . .

„אין זיינע היסטאָרישע שטיקער האָט ער זיך ניט געהאַלטן אַלע מאָל ביי איין דרך. עס איז געווען ביי אים רעכט צו האַלטן זיך אַמאָל ביי דער געשיכטע און ניט אָפּטרעטן ניט רעכטס און ניט לינקס, אַמאָל איז געווען רעכט צו איבערטאַסעווען די פאַקטן און מאַכן פון פאַרהייליקטע געשטאַלטן אַ רויבער און באַנדיט [ריש לקיש], און אַמאָל איז גאָר רעכט געווען צו נעמען עפּעס אַ גויישע שטיק פון היינטיקער צייט און געבן אים אַ היסטאָרישן נאָמען".

אב. קאַהאַן כאַראַקטעריזירט אים אַזוי: „דיזע „היסטאָרישע אָפּערעס" זיינען געווען אַן „ערפינדונג" פון „פּראָפעסאָר" הורוויץ, און זיי האָבן דערגרייכט די נידריקסטע מדרגות פון אומזין און געשמאַקלאָזיקייט, צו וועלכע דער יידישער טעאַטער איז ווען עס איז דערגאַנגען. . . . און דאָך איז הורוויץ געווען די לייטנדע פיגור אין דער טעאַטער-וועלט און דער ה ו ר ו ו י צ י ז ם איז געווען דער לייטנדער גייסט אין איר. . . . מען האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ מיסיאָנער און אייניקע פון די אַקטיאָרן (וויינבלאַט, צום ביישפּיל) פלעגן אים אין די אויגן רופן „פּראָפעסאָר משומד". ער פלעגט דאָס אים, נאַטירלעך, רופן אין אַ טאָן פון שפּאַס.

„ער האָט געקענט העברעאיש און דייטש און זיין יידיש איז געווען שטאַרק באַדייטשט. אַז ער האָט געהאַט פעאיגקייטן, האָט קיינער ניט געקאַנט צווייפלען, און אַז ער האָט געהאַט ענערגיע — אודאי ניט. אַ פלאַקער פון ענערגיע און אונטערנעמונגס-גייסט איז דאָס געווען! און אַלס אַוואַנטוריסט האָט ער צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט. . . . ער האָט געהאַט אַ ליידנשאַפט צו קערידזשעס [קאַרעטעס] מיט טייערע פערד, אויף דעם איראָפּעאישן פּריצישן שטייגער. עס פלעגט טרעפן, אַז נעכטן האָט ער ניט געהאַט וואָס צו עסן און היינט זעט מען אים שוין אין אַ קערידזש מיט פיר פערד און אַ לאַקיי אין אַ ליווריי, מיט גילדערנע באַפּוצונגען . . . עס זיינען געווען צייטן ווען זיין טעאַטער האָט צוגעלייגט געלט און די אַקטיאָרן האָבן געליטן הונגער און ער פלעגט זיצן הינטער אַ קוטשער מיט בלישטשענדע קנעפּ און גאָלדבענדער אַרום דעם קראַגן און די אַרבעל און פאָרן דורך די גאַסן פון ניו-יאָרק ווי אַ רומענישער גראַף.

„דעם אינהאַלט פון זיינע פּיעסען פלעגט ער מייסטנס נעמען פון דייטשע טעאַטער-שטיק אָדער ראָמאַנען, פון שונד-ווערק פון פאַרשיידענע צייטן און פאָרמען. אָדער, אַז ניט, פלעגט ער נעמען אַ קאַפּיטל העברעאישע [יידישע] געשיכטע און דאָס צוזאַמענשטשאָבן מיט אַ שונד-מעשה און צוגעבן אייגענע שאַרלאַטאַנסקע איינצלהייטן. וועגן טאַלק, וועגן לאָגיק, וועגן פּראָפּאָרציע האָט ער זיך קיינמאָל ניט געזאָרגט. . . . כמעט איבער נאַכט פלעגט ער „אויסבאַקן" אַ פּיעסע. אַמאָל פלעגט טרעפן, אַז אין דעם אָוונט ווען די דראַמע האָט געדאַרפט אויפגעפירט ווערן, איז זי נאָך ניט געווען פאַרטיק. עס פעלט נאָך אַן אַקט אָדער אַן אַקט-און-אַ-האַלב. דאָס האָט אים אָבער ניט געקימערט. „נעווער מיינד! [שאַדט ניט] — פלעגט ער זאָגן צו די שוישפּילער — שטעלט! מיר וועלן שוין זען!". און אַנשטאָט אַ פערטן אַקט, פלעגט ער אַרויפגיין אויף דער בינע, אָנגעטאָן ווי אַ טערקישער סולטאַן, צום ביישפּיל, און פלעגט ריידן און טענהען אויף וואָס די וועלט שטייט. . . . הורוויץ האָט דער ערשטער איינגעפירט יידישע מאַטינעע-פאָרשטעלונגען".

לעאָן קאָברין שרייבט: „פאַר זייערע פּיעסען האָבן זיי [הור-

ווייץ און לאַטיינער] געהאַט איין כלל: דאַרף דער אַקטיאָר שפּילן אַ שמש, צי אַ מלמד, צי סתם ניט קיין געבילדעטן, מוז ער, ערשטנס, זיין אַ קאָמיקער, און, צווייטנס, מוז ער ריידן קוני-לעמעל-שפּראַך; און דאַרף ער שפּילן אַ העלדן-ראָלע, און אַ העלד איז דאָך, ניט שייך, אודאי און אודאי געבילדעט, מוז ער ריידן דייטש" . . . „אויף דער בינע [האָט ה. אַמאָל זיך אויסגעדריקט צו לעאָן קאָברין] דאַרף מען ריידן אַ בעסערע שפּראַך, אַ שענערע שפּראַך, ניט קיין קוגל-שפּראַך. מיר ווילן אויסאיידלען די שפּראַך, שענער זי מאַכן..."

וועגן דער מוזיקאַלישער אילוסטראַציע צו ה.'ס פּיעסען גיט א. פּרומקין איבער רומשינסקיס מיינונג: „די מוזיק צו יענע [היסטאָרישע] אָפּערעטעס איז גענומען געוואָרן גאַנצע שטיקערווייז פון אָפּערעס. אין דער אָפּערעטע „ירמיהו הנביא", ווען דער פּרינץ רעדט צום קעניג, זינגט ער אָפּ די גאַנצע אַריע פון דער רוסישער אָפּערע „יעווגעני אָניעגין". די מוזיק פון „גבור החיל" איז אינגאַנצן פון „פאַוסט"; „אלכסנדר" איז דורך און דורך רובינשטיינס „דער טויער פון בבל". אי צוליב דעם דייטשמערישן יידיש, אי צוליב דער אַנטליענער מוזיק, זיינען אָט די היסטאָרישע אָפּערעטעס דורכגעפאַלן ביים בעסערן טעאַטער-עולם אין אייראָפּע. מען פלעגט פּשוט לאַכן דערפון. סיי אין אינהאַלט און סיי אין דער מוזיק איז דאָס געווען די ערגסטע, די שלים-מזלדיקסטע פּעריאָדע פון די מוזיקאַלישע יידישע פּיעסען".

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 822-826.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." I, זז. 81, 193-197, 235-43; II, זז. 41-57, 82-86, 125, 150, 155-164.

חנן י. מיניקעס — „דיא אידישע ביהנע", [מ. זייפערטס „טעאַטער געשיכטע".]

S. Schurr — אן דען אָרדען „האַרפע דוד'ס", „דער פאָלקס-אַדוואָקאַט", נ. י. 16, 1888.

א. בוים — איין אפּפענער בריעף אן העררן אב. קאָהן, „דער פאָלקס-אַדוואָקאַט", נ. י. 3 יוני, 1892.

אב. קאהאן — שטימען אויס דעם פאָלק, „דיא אַרבייטער ציימונג", נ. י. 10 יוני, 1892.

א. בוים — אַ פּאָאר ווערטער צום פאָלק, „דער פאָלקס-אַדוואָקאַט", נ. י. 17 יוני 1892.

מ. הורוויץ — איין אָפענער בריעף אן העררן אב. קאהאן אין באָסטאָן, דאָרט.

[אב. קאהאן] — דיא נייע פּיעסען אין די אידישע טהעאַטערס, „דיא אַרבייטער ציימונג", נ. י. 1 נאָוו. 1895.

ב. גאָרין — אידישע דראַמאטורגען, „טעאַטער-זשורנאַל", נ. י. 10-11, 1902.

יעקב קירשענבוים — פּראָפעסאָר מ. האָרוויץ, „דער קענעדער אדלער", 10 מערץ, 1910.

דייוויד קעסלער — מיר שפּיעלען אין נעשאָנאַל טעאַטער, „דער טאָג", נ. י. 11 מערץ 1917.

דייוויד קעסלער — דער ערשטער אידישער אַקטיאָרען סטרייק, „דער טאָג", נ. י. 18 מערץ, 1917.

יעקב פּ. אַדלער — מיין לעבען, „די נייע וואַרהייט", נ. י. 13 אַפּריל, 1925.

לעאָן קאָברין — „ערא־ינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג", נ. י. 1925, ערשטער באַנד, זז. 23-26, 33-34.

שלום פּערלמוטער — אידישע דראַמאַטורגען, „די אידישע וועלט", קליוולאַנד, 28 נאָוו. 1928.

א. פּרומקין — די פּיער פּעריאָדען פון דער אידישער אָפּערעטע, „מאָ"זש", 13 אַפּריל, 1928.

אב. קאהאן — „בלעטער פון מיין לעבען", נ. י. II, זז. 379-397.

באָריס טאָמאַשעווסקי — די געשיכטע פון „אלי-אלי", „טעאַטער זכרונות" (רעד. זלמן זילבערצווייג), ווילנע, 1928, זז. 27-31.

לעאָן בלאַנק — „פּראָפעסאָר" משה הורוויץ — דער אַמאָליגער קעניג אין דער אידישער טעאַטער-וועלט אין אַמעריקא, „פאָרוו.", 21 נאָוו., 1928.

לעאָן בלאַנק — ווי אַזוי „פּראָפעסאָר" הורוויץ איז געפאָהרען קיין אַמעריקע מיט קעסלער'ן און מאָגולעסקאָ'ן, „פאָרוו.", 22 נאָוו. 1928.

לעאָן בלאַנק — „פּראָפעסאָר" הורוויץ און „שלמה המלך" אויף דער באוערי, „פאָרוו." 27 נאָוו., 1928.

לעאָן בלאַנק — „פּראָפעסאָר" הורוויץ, קעניג פון טעאַטער-שונד, שפּילט אָפּ אַ חתונה אויף די גאַסען פון ניו יאָרק, „פאָרוו." 28 נאָוו., 1928.

לעאָן בלאַנק — דער „קעניג" פון טעאַטער-שונד האָט געלעבט ווי אַ מיליאָנער און געשטאָרבען אין אַן אַנשטאַלט פאַר אָרימע, „פאָרוו." 29 נאָוו., 1928.

מ. אָשעראָוויטש — דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד, נ. י. 1930 זז. 22-23.

י. ש. — אַ באַריכט וועגן יידישן טעאַטער אין ניו-יאָרק פון 1894, „אַרכיוו", זז. 446-7.

ש"ם — ראָמאַן — דער רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער אין בוקאַרעשט אין 1877, „אַרכיוו", זז. 280-85.

הורוויץ, שאַרלאָטע

[שיפּרע]

[געב. 1861 — געשט. 18 יולי, 1905]

געב. 1861 אין יאַסי, רומעניע. [אַדאָפּטירטע?] טאָכטער פון שפּעטער באַרימט געוואָרענעם טעאַטער-דירעקטאָר און דראַמאַטורג „פּראָפ." הורוויץ.

ווען איר פאָטער גרינדעט זיין טרופּע אין רומעניע, הויבט זי דאָרט אָן שפּילן, און נאָכדעם וואַנדערט זי צוזאַמען מיט איר מאַן, דער אַקטיאָר צעזאַר גרינבערג, איבער די יידישע ישובים פון אייראָפּע, ביז זי קומט אין 1888 אין אַמעריקע. דאָ שפּילט זי 2 יאָר אין די טרופּעס, וואו איר פאָטער און מאַן זיינען מיטבאַטייליקט און צוליב אַ פאַרקילונג ווערט זי אומפעאיק צו שפּילן.

נאָך אַ קראַנקהייט פון עטלעכע יאָר, שטאַרבט זי דעם 18 יולי אין ניו-יאָרק און ווערט געבראַכט צו איר אייביקער רו אויפן וואַשינגטאָן בית-עולם.

ש. ע. פון צעזאַר גרינבערג.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I, זז. 198, 242.

הייליגמאַן, סאַמועל

[שמואל העקדישמאַן]

געבוירן 1869 אין ראָוונע, וואָלין. פאָטער — אַן אָרימער בעל-מלאכה. פון פריסטער יוגנט באַזוכט צירק- און טעאַטער-פאָרשטעלונגען, וואָס רופט ביי אים אַרויס אַ נייגונג צו דער בינע, ביז פּישזאָן קומט אין ראָוונע גאַסטראָלירן און נעמט אים אַריין אַלס שיקיינגל און כאָריסט. דערנאָך שפּילט ער קליינע ראָלן. נאָך פּישזאָנס אָפּפאָרן, אָרגאַניזירט ה. מיט זיינע חברים פאָרשטעלונגען אין פּריוואַטע הייזער, און ערשט ווען קאַמינסקי קומט גאַסטראָלירן, פאָרט ה. מיט אים קיין אָדעס. שפּעטער גייט איבער ה. אין דער טרופּע פון פעלדמאַן, מיט וועלכער ער פאָרט איבער בעסאַראַביע, וואו ער איז שוין רעזשיסער און הויפּטראָליסט, און דערנאָך פאָרט ה. אַרום מיט מעערסאָנס טרופּע.

1905 איז ה. געקומען אין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ, וואו ער איז סטיידזש-מענעדזשער אין פאַרשיידענע דאָרטיקע טרופּעס און שפּילט פון צייט צו צייט.

ש. ע.

היימאַן, העלענאַ

[געב. 1899 — געשט. 3 יוני 1928]

געבוירן 1899. געשפּילט אין 1928 מיט טאָמאַשעווסקי אין לאָס אַנדזשעלאָסער קעפּיטל טעאַטער. פרוי פון אַקטיאָר חיים היימאַן. געשטאָרבן דעם 3 יוני 1928 אין לאָס אַנדזשעלאָס.

נאָטיץ אין „פאָרווערטס“, נ. י., 5 יוני 1928.

היימאַן, לואיס

[לואיס הערמאַן]



געבוירן 1878 אין וויטקאָוו, גאַליציע, ביי בעל-הביתישע עלטערן. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-יידישע דערציאונג. 1891 געקומען אין אַמעריקע מיט די עלטערן און 2 יאָר שפּעטער, אַריינגעטראָטן אין אַ דראַמאַטישן קלוב, מיט וועלכן ער איז אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ.

1903 ווערט ה., דורך דער איניציאַטיוו פון פיינמאַן, אַנגאַזשירט אין גרענד-טעאַטער, פון וואַנען ער גייט באַלד אַריבער אין טאַליאַ טעאַטער און באַטייליקט זיך אין גאָרדינישן רעפּערטואַר.

ה. האָט 13 יאָר געשפּילט מיט קעסלער, פיל יאָרן מיט אַדלער, ליפּצין, מאָגולעסקאָ, מאָשקאָוויטש און מעערסאָן. ה. האָט אויך גאַסטראָלירט אין לאָנדאָן, בערלין, רומעניע, גאַליציע און בוקאָווינע.

1926-8 האָט ה. געשפּילט אין ניו-יאָרקער האָפּקינסאָן טעאַטער, 1927-8 אין שיקאַגאָ, 1928-9 אין באָסטאָן און 1929-30 אין ברוקלינער ראָלאַנד טעאַטער.

ה. איז אין 1917 געווען פּרעזידענט פון יידישן אַקטיאָרן-קלאָב, לאָקאַל 1.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער-ראָליסט.

ש. ע.

אוריאל מזיק — בילדער-גאַלעריע פון אונזערע אידישע שוישפּילער, „טאָג“, 29 דעצ. 1917.

היימאַן, מיני

[ערנסט]

געב. 28 מערץ 1885 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. דער פאָטער איז געווען אַ כאָריסט אין יידישן טעאַטער. געענדיקט פּאָבליק-סקול.

אין עלטער פון 11 יאָר איז זי אַריין אין כאָר פון יידישן טעאַטער און אין 8 יאָר אַרום איז זי אַריינגעטראָטן אין אַ יידיש וואַריעטע-טעאַטער, וואו זי האָט געשפּילט 6 יאָר. דערנאָך איז זי צוריק אַריין אין כאָר און אויף קליינע ראָלן ביי טאָמאַשעווסקין אין ניו-יאָרק, וואו זי האָט געשפּילט 10 יאָר.

אין 1920 טרעט ה. אַריין אין גערטנערס טרופּע אין שיקאַגאָ, וואו זי שפּילט צוויי סעזאָנען, אין 1922 שפּילט זי ביי מייק טאָמאַשעווסקי אין פילאַדעלפיע, דערנאָך צו איינצעלנע סעזאָנען אין באָסטאָן און אין לענאָקס-טעאַטער אין האַרלעם, אין 1926 שפּילט

זי אין מעקינלי-טעאַטער. אין 1927 אין האָפּקינסאָן-טעאַטער, 1928-9 אין נוארק.

מ. ע.

היינע-חיימאָוויטש, משה

געבוירן 15 פעברואַר 1853 אין וואַסילקאָוו, קיעווער גוב., אוקראַאינע. פאָטער — אַ מלוה. זייער יונג אָנגעהויבן זינגען ביים אָרטיקן חזן. שלעכט באַהאַנדלט פון זיין שטיף-מוטער, איז ה. אין עלטער פון 14 יאָר אַנטלאָפן קיין אָדעס. דאָ אין ווייַנקעלער פון מאיר יענטשעס, הערט ער זינגען ישראל גראַדנער און אַנדערע פאָלקס-זינגער, לערנט זיך אויס זייערע לידער און טרעט אַרויס מיטן דאָזיקן רעפּערטואַר אין אַן אַנדערער ווייַנשענק. גראַדנער קומט אים הערן, נעמט אים אַרויס פון ווייַנקעלער און אַרדענט איין מיט אים אַ קאָנצערט אין אַ זאַל אויף רישעלעווסקאַ גאַס (אין קאָנצערט באַטייליקן זיך אַחוץ אייניקע כלי-זמר אויך היינע, גאַרדנער, משה פינקעל און משה טודרוס). פון דאַנען פאָרן זיי קיין קעשעניעוו. שפּעטער פאַראייניקט זיך ה. מיטן בדחן נחום מרדכי און צוזאַמען טרעטן זיי אַרויס אויף התונות, שמחות און אין ווייַנקעלערס. דערנאָך פאָרן ביידע קיין קיעוו, וואו זיי טרעטן אויך אַרויס אין האָטעלן פאַר סוחרים און אויף ירידים. דאָ פאַראייניקן זיי זיך מיט בערל גרודבערג און דוד בלומענטאַל און פאָרן אויף „קאָנצערטן“ קיין בערדיטשעוו און אַלט-קאָנסטאַנטין, וואו זיי ווערן פון אברהם גאָלדפאַדען אַנגאַזשירט פאַר זיין ברודער נפתלים טרופּע אין קעשעניעוו. נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט אין דער דאָזיקער טרופּע, קערט ה. צוריק קיין אָדעס און צוזאַמען מיט באָריס אַלטמאַן, אהרן טאַגער און דוד בלומענטאַל פאָרט ער מיטן גאָלדפאַדען-רעפּערטואַר קיין וואַרשע, וואו זיי טרעטן אַרויס אין וואָלף ליטוואַקס גאָרטן. דאָ שפּילט ה. אַלס „דאָס אייניקל“ אין „די באָבע מיטן אייניקל“ און „מירעלע“ אין „די באָבע יאַכנע“. נאָכן שפּילן 6 חדשים אין וואַרשע, שפּילט ה. יידיש טעאַטער אין לאָדזש און ביאַליסטאָק, און נאָכן פאַרבאָט צו שפּילן קומט ער צוריק אין אָדעס, וואו ער טרעט אַריין אין שמר״ס טרופּע. באַלד אָבער צעקריגט ער זיך און שטעלט אַליין צונויף אַ טרופּע (יוסף וואַכטעל, קויפמאַן, זאַקס, געלים מיט פרוי, זרח ווינאָוויטש, לעאָן בערגער), מיט וועלכער ער שפּילט אין כערסאָן. דאָ נעמט ער אַריין אין דער טרופּע שרה לעוויצקאַ, (די שפּעטערדיקע סערא אַדלער) מיט וועלכער ער האָט שפּעטער חתונה. די טרופּע שפּילט אין רוסלאַנד, ליטע און פּוילן, ביז אין לובלין (בערך 1880, אין פאַנטעאָן-טעאַטער) מוזן זיי איבעררייסן די פאָרשטעלונגען צוליב אַ נייעם פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער.

צוריקגעקומען אין אָדעס, אָרגאַניזירט ה. אַ טרופּע פון די אַקטיאָרן משה זילבערמאַן, בערל באַראָדקין, פייוועלע פרידמאַן און זייערע פרויען, צו פאָרן איבער לאָנדאָן קיין אַמעריקע. אָבער אָנטרעפנדיק אין לאָנדאָן שפּילן אַ יידישע טרופּע (מיט יעקב פּ. אַדלער) אין אַ קלאָב, הויבן זיי דאָרט אויך אָן שפּילן אין אַ קלאָב. צוליב שלעכטע געשעפטן פאַראייניקן זיך ביידע טרופּעס. אָבער ה. טרעט ניט אַריין אין דער פאַראייניקונג, נאָר אָרגאַניזירט יעדן שבת אָוונט „פאָרשטעלונגען“ אין אַ טעאַטער.

באַזאָרגט פון די אָרטיקע יידן מיט שיפסקאַרטן און מיט אַ גע-

וויסער געלט-אונטערשטיצונג פאָרט אָפּ אין מאַי 1884 אַ גרופּע אַקטיאָרן, (מיט היינען) קיין אַמעריקע, וואו זי הויבט אָן שפּילן אין ניו-יאָרק דעם 23 מאַי 1884 אין טורן-האָל (113 בויערי). דאָ קומען פאָר נאָר עטלעכע פאָרשטעלונגען (אין די פרייטאג און שבת-אָוונטן) מיט שמ״רס „די צוויי יתומים״ און באַלד דינגט ה. ביי די ה״ה מייער און קייזער דעם פאָלקס-גאַרדן האָל, וועלכן ער גיט אַ נאָמען אָריענטאַל-טעאַטער (צוליב דער שכנותדיקער אָריענטאַל-באַנק), און סוכות 1884 הייבט ער דאָ אָן שפּילן (פרייטאג, שבת און דינסטאג אין אוונט) מיט אַ קאָאָפּעראַטיווער טרופּע (היינע, זילבערמאַן, באַראָדקין און פרידמאַן מיט זייערע פרויען און וואַכטעל, קאַרפּ און קוראַזש. לאַטיינער איז סופלער). שפּעטער הייבט אָן די טרופּע אַרויסצוטרעטן זונטאָג מיט קאָנצערטן און שפּילט שוין אויך אין וואָכנטעג — ביז 1887. דערנאָך שפּילט ה. ביי הורוויצן אין פּולס-טעאַטער (געז. „דודס האַרפּע״) און פאָרט מיט מאָגולעסקאָ קיין לאָנדאָן צו ברענגען פון דאָרט אַדלערן. אָבער אַדלער דינגט אויס זייער טעאַטער און ה. נעמט איבער צוזאַמען מיט מאַגולעסקאָ דאָס טאַליאַ-טעאַטער. שפּעטער גייען זיי איבער אין פּולס-טעאַטער, דערנאָך אין פילינגס טעאַטער (גערופן: רומעניע אָפּערע-הויז) און ווידער אין טאַליאַ-טעאַטער.

1892 פאָרט ה. קיין שיקאַגאָ, וואו ער שפּילט 6 חדשים אין מעטראָפּאָליטאַן-טעאַטער. צוריקגעקומען אין ניו-יאָרק, דינגט ער, צוזאַמען מיט אַדאָלף פרינץ און מאַקס ליוויי, דאָס טאַליאַ-טעאַטער און נעמט אַהער איבער די טרופּע פון רומעניע-אָפּערע-הויז. דאָ איז טאָמאַשעווסקי צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אַלס ליבהאָבער. נאָכן שפּילן און אָנפירן מיטן דאָזיקן טעאַטער 3 סעזאָנען (דעם דריטן סעזאָן צוזאַמען מיט קעסלערן), ווערט ה. אויף אייניקע וואָכן מענעדזשער פון יידישן טעאַטער אין טשעלסי. ווידער אַ סעזאָן (מיט הורוויצן) מענעדזשער פון טאַליאַ-טעאַטער אין ניו-יאָרק און פירט אָן דערנאָך 5 יאָר מיטן ווינדזאָר-טעאַטער, וואו ער טרעט אויך אויף אַלס קאָמיקער.

אין פעריאָד פון די וואַריעטעס עפנט ה. אַ מוזיק-האָל אויף גרענד-סטריט, פירט אָן (1908-09) 3 חדשים מיט בערל בערנשטיין אַ גרויסע טרופּע אין סטאַר-טעאַטער (לעקסינגטאָן עוועניו און 10טע סטריט), פאָרט אַרום איבער דער פּראָווינץ אַלס אַקטיאָר מיט קעני ליפּצין און ווערט צוזאַמען מיט מייקל מינץ ליסער אויפן לאָנדאָן-טעאַטער א״נ ליפּצין-טעאַטער, וואו ער איז אויך (ביז 1910) אַ מיט-שותף און אַקטיאָר — ביז ער פאַרוואַנדלט עס אין אַ איטאַליעניש טעאַטער.

אויף אַ משך פון 20 יאָר צוריקגעצויגן פון יידישן טעאַטער, פירט ה. ס׳רוב מואַווי-הייזער, ביז אין 1929-30 ווערט ער ווידער מענעדזשער פון יידישן פּראָספּעקט-טעאַטער אין בראָנקס.

מ. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״ I, זז. 34, 42, 213, II זז. 30, 71-56.

יאַקאָב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „דיא וואַרהייט״, נ. י. 28 פעברואַר, 5 מערץ 1917.

א. שוואַרצער — טעאַטער-נאָטיצען, „לובלינער טאגבלאט״, 31 יולי 1928.

ב. וויינשטיין — די ערשטע יאָרן פון יידישן טעאַטער אין אָדעס און אין ניו-יאָרק, „אַרכיוו״, ווילנע, 1930, זז. 3-252.

היינצע, וואַלדעמאַר

געבוירן 23 יוני 1895 אין לאָדזש, פּוילן, ביי קריסטלעכע עלטערן. פאָטער — בוי-אינזשינער. געלערנט אין פאָלקס-שול, דערנאָך געענדיקט 4 קלאַסן פון ברויזס גימנאַזיע. אַ קורצע צייט געלערנט ביים דירעקטאָר פון אָרטיקן דייטשן טעאַטער אַדאָלף קליין און אייניקע יאָר געשפּילט ביי אים קליינע ראָלן. אין קריגס-צייט איבערגעגאַנגען אויף גרעסערע ראָלן אין דייטשן טעאַטער א״ד וואַלטער וואַסערמאַן.

אין 1916 אַריינגעטראָטן אין ס. קופּערמאַנס יידישער פּראָווינץ טרופּע (דאַמאָלט אין טשענסטאָכאָוו), אין וועלכער ער טרעט אויף אין יידיש אַלס דער „ליבהאָבער״ אין יעקב וואַקסמאַנס „מאַלווינקע וויל אַזוי״. נאָך אייניקע וואָכן איבערגעגאַנגען אין קופּערמאַנס טרופּע אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער אַלס קאָנפעראַנסיע און באַלד דערויף אַנגאַזשירט געוואָרן צו אַדלער-וואַקסמאַן אין גרויסן טעאַטער. נאָכן שפּילן דאָרט אַ סעזאָן, באַטייליקט ער זיך אין אַ טורנעע איבער דער פּראָווינץ, שפּילט שפּעטער ביי קאָמפּאַנעיעץ אין וואַרשע און ביי אַדלער-סיעראַצקי אין מינסק, דערנאָך מיט אַ פאַראיינס-טרופּע אין ביאַליסטאָק און 9 יאָר אין קאָוונער יידישן טעאַטער, אין וועלכן ער איז אויך 3 יאָר געווען רעזשיסער.

אַמפּלואַ — דראַמאַטישער ליבהאָבער.

מ. ע.

הילסבערג, מרדכי

געבוירן 1897 אין וואַרשע, פּוילן, ביי חסידישע עלטערן. געזונגען אַלס משורר אין אַ שול און פון דאָרטן אַריינגענומען געוואָרן אין קינדער-כאָר פון יידישן טעאַטער, וואו ער שפּילט שפּעטער אויך קינדער-ראָלן.

1915 אָנגעהויבן שפּילן ראָלן פון דערוואַקסענע, באַזונדערס אַלס ליבהאָבער-ראָליסט אין גאָלדפאַדען-רעפּערטואַר. 1917 — געשפּילט אין אסתר רחל קאַמינסקיס טרופּע. נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אַריינגעטראָטן אין 1920 אין קיעווער „אונזער ווינקל״, דערנאָך אין זאַמלאַווסקיס „קונסט-ווינקל״. זייט 1921 צוריק אין פּוילן, האָט ה. געשפּילט אין פאַרשיידענע אָפּערעטן-און דראַמען-טרופּעס, 1926 ביי יוליוס אַדלער אין וואַרשע, 1927 אין ריגער „נייער יידישער טעאַטער״ (רעזשי: מאָרעווסקי), 1928-9 אין ריגער „קאָמעדיען טעאַטער״ (רעזש. קוטנער) און 1929-30 ווידער אין ריגער „נייער יידישער טעאַטער״ (רעזש. און דירעקציע יוליוס אַדלער — מ. רובין).

ש. ע.

הירש, דוד

געבוירן 1870 אין בירזאָו, ביי פּשעמישל, גאַליציע. 2 יאָר שפּעטער טראַגט זיך איבער די פאַמיליע קיין פּשעמישל. עלטערן — סוחרים, געהאַלטן דעם אַקציז. געלערנט אין חדר, למודי חול ביי אַ לערער און תנ״ך ביי אַ רבי.

ה. האָט געזונגען ביי חזנים. צוליב זיין שיין שטימעלע נעמט אים ירוחם הקטן פאַר אַ משורר קיין טאַרנאָפּאָל, וואו ער גיט אים אריין אין שול און לאָזט אים אויך שטודירן מוזיק. 1½ יאָר שפּעטער נעמט אים קאַנטאָר באַכמאַן קיין לעמבערג, וואו ה. לערנט וויטער אין שול און שטודירט אין קאָנסערוואַטאָריע. נאָכן פאַרלירן די קינדער-שטים ווערט ה. כאָר-דיריגענט אין דער סינאַגאָגע.

מיט די עלטערן אויסגעוואַנדערט קיין ווין, טרעט ה. דאָרט אריין אין קאָנסערוואַטאָריע אויסצובילדן זיין באַריטאָן שטים, ווערט אָבער באַלד אַנגאַזשירט קיין בוקאַרעסט אַלס דיריגענט און סאָלאָ-זינגער אין דער שטאַטישער שול. אַ קורצע צייט שפּעטער ווערט ה. כאָר-רעפּעטיטאָר און סאָליסט אין אָרקעסטער פון רומענישן נאַציאָנאַל טעאַטער און דיריגירט אין זומער-סעזאָן אין דער יידישער טרופּע פון זילבערמאַן און לאַטיינער. דאָ פאַרמיטלט ער אויך דאָס איבערגיין פון בערטאַ קאַליש אויף דער רומענישער בינע.

ה.׳ס ערשטע קאָמפּאָזיטאָרישע טעטיקייט באַשטייט אין צונויפזאַמלען ביי די אָריענטאַלישע איינוואוינער פון בוקאַרעסט די אָריענטאַלישע נגונים פאַר לאַטיינערס אָפּערעטע „חנה מיט די זיבן זין״, דערנאָך שרייבט ה. מוזיק צו הורוויצעס אָפּערעטן: „דער הויזירער״, „קרבן ביירעס״ א. א. בעת גאָלדפאַדען (נאָך זיין צוריקקער פון לעמבערג) פירט אויף אין רומעניע „ראַטשילד״, שפּילט ה. די ראָל פון „פירשט״, דערנאָך אויך אַנדערע ראָלן און איז גלייכצייטיק דער כאָר-דיריגענט. אין יענער צייט פאַרצייכנט ה. די פאַרשיידענע ניגונים, וועלכע גאָלדפאַדען זינגט אים פאָר און שרייבט די מוזיק פאַר גאָלדפאַדענס „משיחס צייטן״, בעאַרבעט נייע מוזיק פאַר „דאָס צענטע געבאָט״ און שרייבט מוזיק צו פיל לידלעך און קופּלעטן, וואָס זיינען געזונגען געוואָרן אין דאַמאָלטיקן רעפּערטואַר.

1904 קומט ה. אין שיקאַגאָ, פאַרבינדט זיך מיט דער טרופּע פון פּנחס טאָמאַשעווסקי און שרייבט מוזיק פאַר זיינע פּיעסן. דערנאָך טרעט ער אריין אַלס דיריגענט צו גליקמאַן און מאַכט אַ פּיליאָריקן טורנע איבער אַמעריקע, דערנאָכער אַ סעזאָן אין העמאַרקעט טעאַטער (דירעקציע אַדלער, קעסלער, טאָמאַשעווסקי), אַ סעזאָן אין אַ קאָאָפּעראַטיוו יוניאָן-טעאַטער, אַ קורצע צייט ביי שפּאַכנער אין פילאַדעלפיע און ווידער אייניקע סעזאָנען ביי גליקמאַן אין שיקאַגאָ. דאָרט שרייבט ה. פון צייט צו צייט מוזיק פאַר די אָפּערעטן.

ה. איז געווען מיטגרינדער און וויצע-פּרעזידענט פון דער שיקאַגאָ׳ער יידישער אַקטיאָרן-יוניאָן פאַר מיטל-וועסט און קאַנאַדע, וועלכע האָט עקזיסטירט נאָר אַ קורצע צייט.

מ. ע.

בערטאַ קאַליש — (זכרונות) „דער טאָג״, נ. י. 10 יולי 1925.

הירשביין-טרופּע

אין האַרבסט 1908, בעת פּרץ הירשביין איז געקומען אין אָדעס צו דער רוסישער אויפפירונג פון זיין פּיעסע „אויף יענער זייט טייך״, איז — אויף דער איניציאַטיוו פון די דיכטער ב. שאַפּיר, ח. נ. ביאַליק און אַ גרופּע פון דער יידיש-רוסישער אינטעליגענץ, באַזונדערס פון סטודענט וויסבלאַט (ווערימע), ווי אויך פון אַ גרופּע יידישע סטודענטן פון דער אָרטיקער רוסישער דראַמאַטישער שול — געגרינדעט געוואָרן אַ טרופּע, וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען „די דראַמאַטישע טרופּע אונטער דער לייטונג פון פּרץ הירשביין״ (שפּעטער פּאָפּולער א״נ „הירשביין-טרופּע״), מיטן צוועק צו שפּילן בעסערן רעפּערטואַר.

די טרופּע איז באַשטאַנען פון „ליבהאָבער״ (באַשינאַ און שלמה קאָהן), פון שילער פון דער רוסישער דראַמאַטישער שול (לאה קוגעל [שפּעטער נעמי], סאָניאַ אָרלאָווסקאַ, ראָזענוואַסער, אַשין און טאַנסקי) און פון פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן פון דער יידישער בינע (וואָלף זילבערבערג, בעטי דאַלסקאַ, יעקב שטשירין [שפּעטער בן-עמי], לאַזאַר פריד און דוד פּאַכלער).

צוליב דעם, וואָס דער אָרטיקער אַדוואָקאַט שרייבער האָט פינאַנציעל געשטיצט די פאָרשטעלונגען, האָט מען (סוף 1908, אין

זאַל האַרמאָניאַ) געעפנט דעם טעאַטער מיט שרייבערס אַ פּיעסע „שדכנים״.

די טרופּע האָט געשפּילט 2-3 מאָל אין וואָך. דער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון פּרץ הירשביינס „יואל״, „נבלה״ און „תקיעת-כף״ (רעזשי — מחבר), הייערמאַנס׳ „געטאָ״, ב. שאַפּירס „אַברהמל דער שוסטער״, אַשס „מיטן שטראָם״ (רעזשי — בן-עמי), „גאָט פון נקמה״ און „יחוס״, שלום עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט״ (צוגעשיקטער מאַנוסקריפּט, רעזשי — וו. זילבערבערג) און „מענטשן״ (רעזשי — דוד הערמאַן) און פּינסקיס „יעקל דער שמיד״ (רעזשי — בן-עמי, מיטן אָנטייל פון די צוגעקומענע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן שלמה קוטנער און צילע בודקין).

זומער 1909 גאַסטראָלירט די טרופּע איבער דרום-רוסלאַנד ביז צום אַזאָווער ים און ווינטער 1909 קומט זי צוריק אין אָדעס, וואו ס׳ווערט פאַר איר געשאַפן אַ הילפס-קאָמיטעט מיט י. ל. לעווינסקי בראָש. איצט פירט אויף די טרופּע יושקעוויטשעס „אין שטאָט״ (אינ. וו. זילבערבערג), פּינסקיס „אייזיק שעפטעל״ און גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול״ (אַלע — רעזשי בן-עמי).

צוליב אַ מסירה ווערט פאַר די לעצטע פאָרשטעלונגען אָראָפּגענומען הירשביינס נאָמען אַלס לייטער פון דער טרופּע.

די רוסישע פּרעסע האָט זייער וואַרעם אויפגענומען די פאָרשטע-לונגען (באַצייכנט די טרופּע אַלס „יידישער קונסט-טעאַטער"), און דאָס האָט גורם געווען, אַז די וואַרשעווער „ליטעראַרישע געזעל-שאַפט" מיט פּרץ בראש האָט פאַרבעטן די טרופּע אויף גאַסטראָלן אין וואַרשע, וואו זי האָט אָנגעהויבן שפּילן דעם 26טן פעברואַר 1910 אין מוראַנאָווער טעאַטער. איבער 10 פאָרשטעלונגען זיינען אַראָפּ מיט אַ גרויסן מאַטעריעלן דערפאָלג. אָבער בעת בעל-מחשבות און נאָמבערג האָבן סימפּאַטיש זיך באַצויגן צו די גאַסט-שפּילן, האָט דר. מוקדוני אין „פריינד" זיי שאַרף קריטיקירט.

די טרופּע פּרובט איינשטודירן פּרץ׳ס „גאָלדענע קייט" (אונטער רעזשי פון דוד הערמאַן און השגחה פון מחבר), נאָר באַלד פאָרט זי אָפּ אויף גאַסטשפּילן קיין מינסק, ווילנע, דערנאָך קיין באָברויסק, וואו — וואַרם אונטערשטיצט פון א. ווייטער און מענדל עלקין, — פאַרבעסערט זיך די מאַטעריעלע לאַגע. אָבער הירשביין פילט זיך ניט מער בכח אָנצוהאַלטן די טרופּע און טרעט אַרויס. נאָך קורצע גאַסטשפּילן אין קאָוונע און נאָך זייער שלעכטע געשעפטן אין דווינסק, וואו הירשביין באַטייליקט זיך ווידער אין דער טרופּע, ווערט זי צעפאַלן אין יולי 1910.

די הירשביין-טרופּע איז געווען דער אַוואַנגאַרד פונם בעסערן יידישן פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, האָט געשאַפן די קאַדרען פון בעסערן יידישן אַקטיאָר און געלייגט דעם יסוד פאַר אַ בעסער יידיש טעאַטער-פּובליקום.

אין דער הירשביין-טרופּע האָבן (אין פאַרשיידענע טערמינען) זיך באַטייליקט די דאַמען: לאה נעמי, בעטי דאַלסקאַ, לילענבאַך-ראַזענוואַסער, הדסה ליפשיץ, סאָניע אָלאָווסקאַ, סלאַווע עסטרין, דומסקאַיאַ, צילע בודקין, באַשינאַ, מעדוועדיעווע; פון מענער: פּרץ הירשביין, יעקב בן-עמי, וואָלף זילבערבערג, לאַזאַר פריד, שלמה קוטנער, ווערניטש-ווייסבלאַט, ראובן וועגדאָרף, ב. שאַפיר (סופלער), אפרים יאַקובסאָן (פּראָוואַלטער), יעקב קאַהן, שוואַרצער (געהילף-רעזשיסער), טאַנסקי, גער, בעניאַמינאָוו, אשין, באַסמאַנאָוו.

מ. ע. פון פּרץ הירשביין, יעקב בן-עמי און וואָלף זילבערבערג.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." II, זז. 6-195.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט" I, ז. 841.

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער", ביאַליסטאָק 1921, I, ז. 71, II, זז. 96-94.

אברהם רייזען — פון מיינע זכרונות, „ווילנער טאָג", 291, 1928.

ש. קוטנער — זכרונות וועגן דער הירשביין-טרופּע „טעאַטער-זכרונות", (רעד. ז. זילבערצווייג), ווילנע, 1928 זז. 89-88.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו", ווילנע 1930, זז. 84-380.

פּרץ הירשביין — אין קאַמף פאַר אַ בעסערן טעאַטער, אַ קאַזאָק — מיין טעאַטער-מבין, וואַרשע, די טעאַטראַלע עקרה, דער לעצטער עטאַפּ, „ליטבל"ט", וואַרשע, 47-43, 1930.

הירשביין, פּרץ

געבוירן 26 נאָוועמבער 1881 אין אַ וואַ-סער-מיל, נעבן שטעטל קלעשטשעל, גראָדנער גוב., פּויליש-ליטע. עלטערן — מילנער. ביז 14 יאָר געלערנט אין חדר און קלעשטשעל, דערנאָך אין די שכנותדיקע שטעטלעך. אַרום 1900 געקומען אין ווילנע, און הגם געלעבט אין דחקות, האָט ער צונויפגענומען ישיבה-בחורים אין אַן אגודה „תורה מציון" און גע-לערנט מיט זיי אין דער שוסטערישער קלויז העברעאיש און יידישע געשיכטע. באַטיי-ליקט זיך אין דער נאָר וואָס אַנטשטאַנענער פ"צ-פּאַרטיי, האָט ער אויך (ביז 1903) געלערנט מיט אַרבעטער-קליינלעך.

אין 1902 דעביוטירט מיט העברעאישע שירים אין פּרישמאַנס „הדור" און אין „מאסף" פון „המליץ".

1905 — פאַרעפנטלעכט אין העברעאיש אין ווילנער זשורנאַל „הזמן" זיין ערשטע דראַמע „מרים", וועלכע איז אין 1906 אין דער יידישער איבערזעצונג פון מחבר געדרוקט געוואָרן אין ניו-יאָרקער „דער אידישער קעמפּפער" און שפּעטער געשפּילט געוואָרן דורך יידישע דראַמאַטישע קרייזן אין אַמעריקע. די דראַמע איז אין דער באַאַרבעטונג פון מחבר א"נ „באַרג אַראָפּ" דערשינען אין ניו-יאָרק אין 1916 אין פינפטן באַנד פון זיינע „געזאַמעלטע דראַ-מען" און א"נ „מרים" אין ווילנער קלעצקין-פאַרלאַג [1923].

אין תרסח [1908] איז אין וואַרשעווער פאַרלאַג „תושיה" דער-שינען אַ ספּעציעלע אויסגאַבע אין העברעאיש.

אין זעלבן „הזמן" איז אויך אין 1905 פאַרעפנטלעכט געוואָרן ה.׳ס צווייטע העברעאישע דראַמע „הולכים וכבים", וועלכע איז אין 1906 דערשינען אין ווילנע אין דער יידישער איבערזעצונג פון בן-גור א"נ „וויטע און נאָהענטע" און אין תרסח [1908] אַלס ספּעצ-ראַטע העברעאישע אויסגאַבע אין וואַרשעווער פאַרלאַג „תושיה". אין 1916 איז די פּיעסע אין דער יידישער איבערזעצונג פון מחבר א"נ „וואו דאָס לעבן פערגעהט" דערשינען אין ניו-יאָרק אין פינפטן באַנד פון זיינע „געזאַמעלטע דראַמען" און אין 1923 אין ווילנער קלעצקין-פאַרלאַג. די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן דורך „ליבהאָבער".

אין „הזמן" איז אויך אין 1905 פאַרעפנטלעכט געוואָרן ה.׳ס איינ-אַקטער „עולמות בודדים", וועלכע איז אין דער יידישער איבער-זעצונג פון מחבר א"נ „איינזאַמע וועלטען" אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ווילנער וואָכנבלאַט „דאָס יודישע פאָלק" [6, 1906] און אין זעלבן יאָר דערשינען אין אַ ספּעציאַטער אויסגאַבע אין פ"נ „די וועלט". אין תרסח [1908] איז אין וואַרשעווער פאַרלאַג „תושיה" דערשינען אַ ספּעציעלע העברעאישע אויסגאַבע. דער איינאַקטער איז אין 1916 איבערגעדרוקט געוואָרן אין ניו-יאָרק אין ערשטן באַנד פון ה.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען", דערנאָך אין באַנד „איינ-אַקטער", אַרויסגעגעבן 1922 אין וואַרשע פון „קולטור-ליגע", אין 1923 אין דער ווילנער אויסגאַבע פון ה.׳ס דראַמען אין בוך „עלנט און נויט" און איז אָפט געשפּילט געוואָרן דורך „ליבהאָבער".

אין 1908 איז דער איינאַקטער דערשינען אין פּעטערבורג אין דער רוסישער איבערזעצונג פון א. בראַמבערג און ל. טריוואוש און איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן אין דער רוסישער איבערזעצונג פון יידיש-רוסישן אַקטיאָר י. יולין. אין 1929 איז דערזעלבער איינאַק-טער דערשינען אין ניו-יאָרק אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון יעטאַ בלאָק.

אין 1905 איז אויך אין „הזמן" דערשינען ה.׳ס 4-אַקטיקע דראַמע „נבלה", וועלכע איז באַלד דערויף, אין אַ יידישער איבערזעצונג פון מחבר, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ווילנער וואָכנבלאַט „דער נייער וועג". אין 1907 איז די דראַמע דערשינען אין פ"נ „די וועלט" [46 ז. 16°], איז אין 1916 אַריין אין פערטן באַנד פון ה.׳ס „גע-זאַמלטע דראַמען" אין ניו-יאָרק און אין 1923 א"נ „אַ איבעריקער מענטש" אין ה.׳ס באַנד דראַמען „עלנט און נויט" אין ווילנער קלעצקין-פאַרלאַג.

די פּיעסע איז צוערשט געשפּילט געוואָרן דורך „ליבהאָבער", דער-נאָך [א"ר פון מחבר] דורך דער „הירשביין-טרופּע", און שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן אין רעפּערטואַר פון פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער.

אויך „נבלה" איז אין תרסח [1908] דערשינען אַלס ספּעצראַט-אויסגאַבע אין העברעאיש אין וואַרשעווער פאַרלאַג „תושיה" און איז געשפּילט געוואָרן אויף די העברעאישע בינעס אין ארץ-ישראל

און אין אַנדערע לענדער [1924 — געשפּילט אויף העברעאיש דורך „די גילדענע פּאַווע" אין ווין].

אין 1906 זיינען אין קראָקעווער פאַרלאַג „בכורים" דערשינען ה.׳ס העברעאישע איינאַקטערס „ילדים" [קינדער] און „במרתף" [אין קעלער], וועלכע זיינען פריער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יוגנט-זשורנאַל „הנעורים".

ביידע איינאַקטערס זיינען אין יידיש קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

אין 1906 איז אין ווילנער „דאָס יודישע פאָלק" פאַרעפנטלעכט געוואָרן ה.׳ס ערשטע אָריגינעל אין יידיש געשריבענע דראַמע אין דריי בילדער „אויף יענער זייט טייך", וועלכע איז אין 1908 דערשינען אין אַ סעפּעראַטער אויסגאַבע אין פ״ג „די וועלט" ווילנע [37 ז. °16] און איז אין 1916 אין ניו-יאָרק אַריין אין פינפטן באַנד פון ה.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען".

אין 1908 איז די פּיעסע דערשינען אין פּעטערבורג אין דער רוסישער איבערזעצונג פון א. בראָמבערג און ל. טריוואוש און איז אין זעלבן יאָר אויפגעפירט געוואָרן אין אָדעסער רוסישן טעאַטער [רעזשי — מאַרדזשאַנאָוו].

אין 1906 איז אויך אין אַ ווילנער זשורנאַל געדרוקט ה.׳ס סצעני-שער דיאַלאָג „צום ברייטען וועג", וואָס איז שפּעטער אַריין אין ה.׳ס זאַמלונג „מיין בוך" און אין דער פראַנצויזישער איבערזעצונג פון ל. בלומענפעלד אין זיין פראַנצויזישער אַנטאָלאָגיע.

אין זעלבן יאָר (1906) האָט ה. פאַרעפנטלעכט אין ווילנער „דער נייער וועג" אַ דראַמאַטישן עטיוד „קברים-בלומען", וואָס איז אין 1908 איבערגעדרוקט געוואָרן אין ווילנע אין פ״ג „די וועלט", אין 1916 — אין ניו-יאָרק, אין ערשטן באַנד פון ה.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען" און אין 1918 — אין באַנד „איינאַקטערס" אין וואַרשעווער פ״ג „קולטור-ליגע".

אין 1908 איז דער דראַמאַטישער עטיוד דערשינען אין פּעטער-בורג אין דער רוסישער איבערזעצונג פון א. בראָמבערג און ל. טריוואוש.

אין אַ ווילנער וואָכנבלאַט איז אויך אין 1906 פאַרעפנטלעכט ה.׳ס אַ דראַמאַטישער עטיוד „אין דער פינסטער", וואָס איז דעם 24-25 אויגוסט 1907 איבערגעדרוקט געוואָרן אין ניו-יאָרקער „דיא וואַרהייט", אין 1916 — אין ניו-יאָרק, אין ערשטן באַנד פון ה.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען", און אין 1923 — אין ווילנער קלעצקין-פאַר-לאַג אין באַנד „עלנט און נויט".

אין 1908 איז דער עטיוד דערשינען אין פּעטערבורג אין דער רוסישער איבערזעצונג פון א. בראָמבערג און ל. טריוואוש און אין 1916 אין באָסטאָן אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון אייזיק גאָלדבערג.

אויך אין ווילנער זשורנאַל „דער האַמער" האָט ה. אין 1906 פאַר-עפנטלעכט זיין 3-אַקטיקע פּאָעמע „דעמערונג", וועלכע איז אין 1908 דע״שינען אין ווילנע אין פ״ג „דער האַמער" און אין 1916 א״נ „צווישען טאָג און נאַכט" אין פערטן באַנד פון דער אַמע-ריקאַנער אויסגאַבע פון ה.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען" [זז. 133-196].

אין 1908 איז „דעמערונג" דערשינען אין פּעטערבורג אין דער רוסישער איבערזעצונג פון א. בראָמבערג. דער יידיש-רוסישער אַקטיאָר י. יולין האָט די פּיעסע אויפגעפירט אויף דער רוסישער בינע אין זיין אייגענער איבערזעצונג.

אין זעלבן יאָר, 1906, איז אין דער ווילנער צייטונג „די צייט" פאַרעפנטלעכט געוואָרן ה.׳ס 3-אַקטיקע סאָציאַלע פּיעסע „פון אייגענע און פרעמדע", וואָס איז אין בוך-פאָרם קיינמאָל ניט דערשי-נען.

נאָכן פאַרעפנטלעכן זיינע פּיעסעס אין ווילנע, איז ה. אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע. דאָ גיט ער אַרויס אין פ״ג „יבנה" זיין 3-אַקטיקע דראַמע „דער אינטעליגענט", [געשריבן לכתחילה אין העברעאיש א״נ „שבבים"], וועלכע איז אין 1919 איבערגעדרוקט געוואָרן אין פאַרלאַג פון מאיר גאָלדפיין, קיעוו. די פּיעסע איז באַלד נאָך איר דערשיינען אַריינגענומען געוואָרן אין רעפּערטואַר פון ליבהאָבער-קרייזן און איז שפּעטער אויך געשפּילט געוואָרן אין פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער.

י׳ט ניסן תרפ״א [1921] איז די פּיעסע א״נ „המשכיל" אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון בן-עזריאל [בן-ציון ידידיה], אויפגע-פירט געוואָרן דורך דער הבימה העברית אין טעאַטער ציון אין ירושלים.

לויט אַ דערקלערונג פון מחבר צו ז. זילבערצווייג, איז די פּיעסע א״נ „שבבים" דערשינען אין העברעאיש און אין אַ רוסישער אי-בערזעצונג אין אַ רוסישן זשורנאַל.

נאָכדעם ווי ה. באַזוכט בערלין, פּעטערבורג און פּוילן, קומט ער אין 1908 אין אָדעס, אָבער באַלד ווערט ער אַרויסגערופן קיין לאָדזש צו דער אויפירונג פון דוד הערמאַן מיט „ליבהאָבער" פון דער פּיעסע „דער תקיעת-כף", וועלכע איז אין זעלבן יאָר דערשינען אין ווילנער פאַרלאַג „דער האַמער". אין דער אויפירונג האָט ה. געשפּילט די ראָל „דער אָרימאַן".

די פּיעסע איז דערנאָך איבערגעדרוקט געוואָרן אין פיל אויפלאַ-געס, איז אין 1916 אַריין אין דריטן באַנד פון דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע פון ה.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען" [זז. 166-206] און אין 1929 — אין ווילנער קלעצקין-פאַרלאַג אין באַנד „ווינט-מילן".

„תקיעת כף" איז זייער אָפט געשפּילט געוואָרן פון פאַרשיידענע יידישע ליבהאָבער-קרייזן און איז דערנאָך [א״ר פון מחבר] אַריין אין רעפּערטואַר פון דער „הירשביין-טרופּע" און שפּעטער פון דער „ווילנער טרופּע" און אַנדערע יידישע טעאַטערס.

אין 1908 איז די פּיעסע אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון מחבר געווען געדרוקט אין „השלח" און איז אין 1922 אַריינ-גענומען געוואָרן אין באַנד העברעאישע דראַמען, אַרויסגעגעבן אין וואַרשע פון שטיבל-פאַרלאַג.

אין 1909 איז די פּיעסע געדרוקט געוואָרן אין פּעטערבורג אין „זאַמלבוך „שיפּאָווניק" אין דער [אַנאָנימער] רוסישער איבערזע-צונג פון א. בראָמבערג.

אין 1919 איז די פּיעסע דערשינען אין מינכען אין זאַמלבוך „יידישעס טעאַטער" אין דער דייטשער איבערזעצונג פון אַלעקסאַנ-דער עליאַסבערג און איז אויפגעפירט געוואָרן אויף דער דייטשער בינע.

לויט יעקב מעסטעל איז „תקיעת כף" געשפּילט געוואָרן אויף דייטש אין סעזאָן 1919-20 אונטער רעזשי פון עגאָן ברעכער אין ווינער דייטשן קאָמעדיען-טעאַטער.

„תקיעת כף" איז אויך דערשינען אין אַרגענטינע אין אַ שפּאַ-נישער איבערזעצונג.

אין 1908 איז אין פ״ג „די וועלט", ווילנע, דערשינען ה.׳ס 3-אַקטי-קע דראַמע „די ערד", וועלכע איז אין 1911 איבערגעדרוקט געוואָרן אין וואַרשעווער פ״ג „פּראָגרעס" און אין 1916 אין ניו-יאָרק אין פערטן באַנד פון ה.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען" [זז. 133-196]. די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן דורך אַ דראַמאַטישן קרייז אין לאָדזש.

אין 1910 איז די פּיעסע דערשינען אין פ״ג „וסיאָבשטשאַיאַ ביבליאָטעקאַ" אין אַ רוסישער איבערזעצונג פון לעאָניעל מיט אַן הקדמה פון קאָמיענניקאָוו און איז אין דער רוסישער איבערזעצונג פון י. יולין פון אים אויפגעפירט געוואָרן אויף דער רוסישער בינע.

אין זעלבן יאָר (1908) האָט ה. אָנגעשריבן זיין 3-אַקטיקע דראַמע

„אויפן שייד-וועג“, וועלכע איז אין 1911 דערשינען אין וואַרשעווער פאַרלאַג „פּראָגרעס“ און אין 1916 — איבערגעדרוקט געוואָרן אין ניו-יאָרק אין פערטן באַנד פון ה.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען“.

בעת זיין אויפהאַלט אין לאָדזש [1908] האָט ה. צוזאַמען מיט דוד הערמאַן, אָנאַנסירט די גרינדונג פון „אַ ליטעראַריש-דראַמאַטיש טעאַטער“. ניט געפינענדיג אָבער קיין שום אָפּקלאַנג, פאָרט ה. צוריק קיין אָדעס און, אויף דער איניציאַטיוו פון די דיכטער ב. שאַפּיר און ח. נ. ביאַליק, גרינדעט ער מיט דער מיטהילף פון אַ גרופּע יידישע שילער פון דער רוסישער דראַמאַטישער שול און פון וויסבלאַט-וועריטע, די ערשטע יידישע טרופּע, פאַר אַ בעסערן יידישן רעפּערטואַר א״נ „די דראַמאַטישע טרופּע אונטער דער ליטונג פון פּרץ הירשביין“, אָדער, ווי זי איז שפּעטער פּאָפּולערער געווען: „די הירשביין-טרופּע“. במשך פון איר עקזיסטענץ [הערבסט 1908 — יולי 1910] איז די טרופּע געשטאַנען אונטער דער קינסטלערישער פירונג פון ה., וועלכער האָט אויך אין פיל פּיעסען מיטגעשפּילט, אייניקע פון זיי אַליין רעזשיסירט, אַנדערע ווידער צוזאַמען מיט יעקב בן-עמי. אין דער דאָזיקער טרופּע איז אויך אויפגעפירט געוואָרן ה.׳ס 3-אַקטיקע דראַמע „יואל“, וועלכע איז אין 1911 דערשינען אין וואַרשעווער פאַרלאַג „פּראָגרעס“ און אין 1916 איבערגעדרוקט געוואָרן א״נ „חוה“ אין ניו-יאָרק אין פערטן באַנד פון ה.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען“ [זז. 165-84].

אין זעלבן יאָר (1911) איז אין וואַרשעווער פאַרלאַג „פּראָגרעס“ דערשינען ה.׳ס „דער לעצטער—דראַמאַטישער פּראָלאָג אין 3 אַקטען“, וואָס איז אין 1916 איבערגעדרוקט געוואָרן אין ניו-יאָרק אין דריטן באַנד פון ה.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען“ [זז. 83-1].

די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן דורך ליבהאָבער-קרייזן און אין 1912 אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער [רעזשי — וו. זילבערבערג].

אין 1911 האָט ה. אָנגעשריבן זיין פאָלקס-שטיק „די פּוסטע קרעטשמע“, וועלכע איז אין 1913 אויפגעפירט געוואָרן אין ליפּאָווסקים ווילנער יידישן טעאַטער מיט רודאָלף זאַסלאַווסקי אַלס „איציק“ [רעזשי: זאַסלאַווסקי און דער מחבר] און אַ קורצע צייט דערנאָך אין סעם אַדלערס טרופּע אין מינסק אונטערן מחברס רעזשי.

אין 1914 איז די פּיעסע דערשינען אין ווילנער פאַרלאַג „מנחם“, איז אין 1916 איבערגעדרוקט געוואָרן אין ניו-יאָרק אין צווייטן באַנד פון ה.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען“ [127-1] און אין 1929 אין דער ווילנער קלעצקין-אויסגאַבע פון ה.׳ס דראַמען אין באַנד „ווינט-מילן“.

די פּיעסע איז עטלעכע יאָר געשפּילט געוואָרן דורך ליבהאָבער-קרייזן [אַ חוץ זאַסלאַווסקים און דעם מחברס אויפירונגען] און ערשט דערנאָך אַריינגענומען געוואָרן אין רעפּערטואַר פון דער „ווילנער טרופּע“ און פון אַנדערע יידישע טרופּעס אין אַמעריקע און אייראָפּע. אין 1919 איז מיט דער פּיעסע [רעזשי — עמנואל רייכער] געעפנט געוואָרן דאָס מעדיסאָן סקווער גאַרדן טעאַטער אין ניו-יאָרק.

„די פּוסטע קרעטשמע“ איז אויך געשפּילט געוואָרן אין העברעאיש אין ארץ-ישראל.

אין דעצעמבער 1921 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אין אַמעריקע אין ענגליש מיט יעקב בן-עמי אין דער ראָל „איציק“. [רעזשי — אַרטור האָפּקינס].

אין זעלבן יאָר איז די פּיעסע דערשינען אין באָסטאָן אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון אייזיק גאָלדבערג.

אין דעצעמבער 1926 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אין פּויליש אין אַ קראָקעווער פּוילישן טעאַטער.

נאָכדעם ווי ה. באַזוכט אייניקע גרעסערע שטעט אין אייראָפּע (לויט יעקב מעסטעל איז צו יענער צייט איינגעאָרדנט געוואָרן

אַ ווין אַ קבלת-פּנים לכבוד ה., ביי וועלכן עס איז אונטער דער רעזשי פון מחבר, אויפגעפירט געוואָרן „די נבלה“ און ה. איז אַרויסגעטראָטן מיט אייגענע רעציטאַציעס), איז ער אין נאָוועמבער 1911 אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער האָט פאַרבראַכט ביז מערץ 1913. צוריקגעקומען אין אייראָפּע, איז ה. אַרומגעפאָרן איבער ליטע און פּוילן און דערנאָך אָנגעפירט מיט אַ דראַמאַטישן קרייז אין ווילנע. דאָ שרייבט ער אָן זיין פאָלקס-שטיק אין 4 אַקטן „אַ פאַרוואָרפן ווינקעל“, וואָס איז אין זעלבן יאָר, אונטער דער רעזשי פון מחבר, און מיט אים אין דער ראָל פון „מילנער“, אויפגעפירט געוואָרן אין אַ ווילנער ליבהאָבער-קרייז.

אין 1913 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אין פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער אין לאָדזש און דעם 16 אָקטאָבער 1918 אין ניו-יאָרקער אירווינג-פּליים טעאַטער מיט יעקב בן-עמי אין דער ראָל „נח“. [רעזשי: מאָריס שוואַרץ]. זייט דאַמאָלט ווערט די פּיעסע אָפט געשפּילט אין פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער.

אין 1915 איז די פּיעסע דערשינען אין ווילנער קלעצקין-פאַרלאַג און אין 1916 איז די פּיעסע איבערגעדרוקט געוואָרן אין ניו-יאָרק אין צווייטן באַנד פון ה.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען“.

אין 1913 האָט ה. אויך אָנגעשריבן זיין פּיעסע „דאָס קינד פון דער וועלט“, וועלכע איז אין 1916 פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ניו-יאָרק אין דריטן באַנד פון ה.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען“ [זז. 304-207] און איז דעם 13 אַפּריל 1922 אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרקער אירווינג פּליים-טעאַטער מיט בערטאַ קאַליש אין דער ראָל „פּריי-ליין ראָלאַנד“ [רעזשי — גוסטאַוו בלום, דעק. דזשאָן ווערנער].

אין זעלבן יאָר (1913) האָט ה. אויך אָנגעשריבן „פונקען — אַ פּאָר שטריכען“, וואָס איז אין 1916 פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ניו-יאָרק אין ערשטן באַנד פון ה.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען“ [זז. 234-221] און איז אין 1922 איבערגעדרוקט געוואָרן אין וואַרשעווער פאַרלאַג „קולטור ליגע“ אין ה.׳ס באַנד „איינאַקטערס“.

פרילינג 1914 איז ה. אָפּגעפאָרן קיין דרום-אַמעריקע און פון דאָרט סוף נאָוועמבער 1914 געקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, וואו ער האָט אין 1915 פאַרעפנטלעכט אין „די צוקונפט“ זיין איינאַקטער „אליהו הנביא“ — אַ דאָרף-מעשה׳לע“, וואָס איז אין 1916 אַריין אין ערשטן באַנד פון זיין אַמעריקאַנער אויסגאַבע „געזאַמעלטע דראַמען“ [זז. 197-169] און אין 1922 אין זיינע „איינאַקטערס“ (וואַרשע, פ״ג „קולטור-ליגע“).

דער איינאַקטער איז אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון עליאַס ליבערמאַן געווען געדרוקט אין 1915 אין זשורנאַל „איסט ענד וועסט“ און איז געשפּילט געוואָרן דורך „ליבהאָבער“.

אין 1915 האָט ה. אָנגעשריבן זיין 3-אַקטיקע דראַמע „אַ לעבען פאַר אַ לעבען“, וואָס איז אין 1916 פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ניו-יאָרק אין ערשטן באַנד פון זיינע „געזאַמעלטע דראַמען“ [88 ז. 16°] און אין 1929 איבערגעדרוקט געוואָרן אין ווילנער קלעצקין-פאַרלאַג אין זיין באַנד דראַמען „ווינט-מילן“. דעם 7 דעצעמבער 1920 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרקער „דאָס נייע אידישע טעאַטער“ [רעזשי — מאַרק ארנשטיין] מיט רודאָלף שילדקרויט אַלס „רב“.

אין זעלבן יאָר (1915) האָט ה. פאַרעפנטלעכט אין „די צוקונפט“, ניו-יאָרק, זיינע איינאַקטערס „ראָזשינקעס און מאַנדלען—אידיליע“ (דערשינען אין 1923 אין סינסינעטי אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון יעטאַ בלאַק א״נ „טהי סטרענדזשער“), „אויפן שוועל — אַ פּאָר שטריכן“ (דערשינען אין 1918 אין באָסטאָן אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון אייזיק גאָלדבערג), „בעבעלע — אידיליע“ (דערשינען אין 1929 אין ניו-יאָרק אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון יעטאַ בלאַק), „אַ זאַווערוכע — אַ מאָל האָבען אידען געהוליעט“

(דערשינען אין 1923 אין סינסינעטי אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון יעטאַ בלאָק), און „ווען עס פאַלט דער טוי — „אידיליע“ (דערשינען אין 1923 אין סינסינעטי אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון יעטאַ בלאָק). די אַלע איינאַקטערס זיינען דערנאָך אַריין אין ערשטן באַנד פון וו.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען“ און אין 1922 איבערגעדרוקט געוואָרן אין וואַרשע אין באַנד „איינאַקטערס“ (פ״ג „קולטור-ליגע“).

אין 1915 האָט ה. אויך אָנגעשריבן זיין 3-אַקטיקע קאָמעדיע „דעם שמידס טעכטער“, וועלכע איז אין 1916 דערשינען אין ניו-יאָרק אין צווייטן באַנד פון ה.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען“ [105 ז. 16°]. דעם 21 פעברואַר 1919 איז די קאָמעדיע אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרקער אוירווינג פּליים-טעאַטער [רעזשי — מאָריס שוואַרץ] און איז זייט דאַמאָלט פאַרבליבן אין רעפּערטואַר פון אַ סך פּראָפעסיאָנעלע יידישע טעאַטערס.

דעם 10 מאַי 1921 איז די קאָמעדיע אויפגעפירט געוואָרן אין העברעאיש אין ניו-יאָרקער אוירווינג פּליים טעאַטער (רעזשי — מ. ב. סאַמואילאָוו, מיטן אנטייל פון די אַקטיאָרן פון דער פּראָפעסיאָנעלער יידישער בינע: מישע גערמאַן, יידל דובינסקי, אברהם טייטעלבוים און מ. ב. סאַמואילאָוו ווי אויך די „ליבהאָבערין“ יונה [העלען] בליי). די קאָמעדיע איז אין העברעאיש אויך געשפילט געוואָרן אין ארץ-ישראל.

אין 1916 האָט ה. אָנגעשריבן זיין 3-אַקטיקע קאָמעדיע „גרינע פעלדער“, וועלכע איז אין זעלבן יאָר פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פינפטן באַנד פון ה.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען“ (ניו-יאָרק, זז. 318-225) און אין 1929 איבערגעדרוקט געוואָרן אין וו.׳ס „אַלע ווערק“ [אין דער טרילאָגיע „גרינע פעלדער“] אין ווילנער קלעצקין-פאַרלאַג. די קאָמעדיע איז דעם 30 מאַי 1919 אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרקער אוירווינג פּליים-טעאַטער [רעזשי — יעקב בן-עמי], איז דערנאָך געשפילט געוואָרן דורך „די ווילנער טרופּע“ אין אייראָפּע און איז אַריין אין רעפּערטואַר פון אַ סך פּראָפעסיאָנעלע יידישע טעאַטערס.

אין 1922 איז די פּיעסע „גרינע פעלדער“, א״נ „בין ילדי השדה“, דערשינען אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון מחבר אין וואַרשעווער שטיבל-פאַרלאַג, און איז, אין אַן אַנדערער העברעאישער איבערזעצונג, נאָך פריער געשפילט געוואָרן אין ארץ-ישראל.

אין סעזאָן 1926-27 איז זי אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון שלמה גראָסמאַן, אויפגעפירט געוואָרן אין אַנגלאָ דזשואיש פּלייהויז, ניו יאָרק.

אין 1918 האָט ה. אָנגעשריבן זיין איינאַקטער „פּראָסט-בלומען“, וואָס איז אַריין אין זיין באַנד „איינאַקטערס“, פ״ג „קולטור-ליגע“, וואַרשע, 1922.

אין 1919 איז אין „אידישער ליטעראַרישער פאַרלאַג“, ניו יאָרק, דערשינען ה.׳ס „אַ חלום פון דער צייט“ אין פינף בילדער [70 ז. 16°].

אין 1919 איז אין „די צוקונפט“ פאַרעפנטלעכט געוואָרן די פאָרטזעצונג פון ה.׳ס גרינע פעלדער-טרילאָגיע, די פּיעסע „צוויי שטעדט“, וואָס איז אין 1929 אַריינגענומען געוואָרן אין דער ווילנער קלעצקין-אויסגאַבע פון ה.׳ס „אַלע ווערק“ [אין דער טרילאָגיע „גרינע פעלדער“].

האַרבסט 1920 מאַכט ה. אַ רייזע איבער אויסטראַליע און דרום-אַפריקע, וועלכע ער באַשרייבט שפּעטער אין איינציקע ביכער.

אין 1921 האָט ה. פאַרעפנטלעכט אין „שריפטן“ (ניו-יאָרק, פרילינג 1921) זיין 3־אַקטיקע פּיעסע „אין שאָטען פון דורות“ [42 ז. 16°].

אין 1922 איז די פּיעסע דערשינען אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון מחבר אין וואַרשעווער שטיבעל-פאַרלאַג.

אין האַרבסט 1923 איז ה. צוריקגעקומען אין אַמעריקע און אין זעלבן יאָר איז אין „די צוקונפט“ פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער דריטער טייל פון ה.׳ס גרינע פעלדער-טרילאָגיע, די פּיעסע „לוי יצחק“, וועלכע איז אין 1929 אַריינגענומען געוואָרן אין דער ווילנער קלעצקין-אויסגאַבע פון ה.׳ס „אַלע ווערק“ [אין דער טרילאָגיע] „גרינע פעלדער“].

אין 1924 איז אין „די צוקונפט“ פאַרעפנטלעכט געוואָרן ה.׳ס „שדים ווייסן וואָס — אַ מעשה אין זעקס בילדער“, וועלכע איז דעם 24 נאָוועמבער 1924 אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער מיט לאה ראזען אין דער הויפּט-פּראָוויענראָל [רעזשי — מאָריס שוואַרץ].

אין זעלבן יאָר איז ה. געווען אַ מיטגליד פון אָרגאַניזיר-קאָמיטעט פון דער ניו-יאָרקער „יידישע טעאַטער-געזעלשאַפט“ און דערנאָך אַ מיטגליד פון קונסט-ראַט פון דער טרופּע „אונזער טעאַטער“, וועלכע די געזעלשאַפט האָט געשאַפן און איז געווען מיטרעזשיסער פון „טאָג און נאַכט“ [באַאַרבעט פון דוד פּינסקי און מענדל עלקין, לויט די פראַגמענטן פון ש. אַנסקי]. ה. האָט אויך געהאָלפן ביי דער אויפירונג פון ראַבאָיס „שטעכיק דראָט“ אין דערזעלבער טרופּע.

אין 1925 איז אין „די צוקונפט“ פאַרעפנטלעכט געוואָרן ה.׳ס דראַמאַטישע פּאָעמע „די מויז מיט׳ן גלעקעל“.

אין מאַי 1925 האָט ה., צוזאַמען מיט זיין פרוי, די דיכטערין אסתר שומיאַטשער, געמאַכט זיין צווייטע וועלט-נסיעה איבערן נאָענטן און ווייטן מזרח, ארץ-ישראל און ראַטנפאַרבאַנד און ערשט אין נאָוועמבער 1929 צוריקגעקערט אין אַמעריקע.

אין 1928 איז אין דער וואַרשעווער „די יידישע וועלט“ פאַרעפנטלעכט געוואָרן ה.׳ס „הענט, פּיעסע אין דריי אַקטן און זיבן בילדער“.

ה. האָט אין מאַנוסקריפּט פיל פּיעסען, דערונטער 3 גרעסערע דראַמאַטישע פּאָעמען, פון וועלכע „דער ערשטער מלך פון ישראל“, אַ ביבלישע טראַגעדיע, איז פון מחבר פאָרגעלייענט געוואָרן אין אַ קרייז פון שריפטשטעלער אין 1927 בעת זיין אויפהאַלט אין תל-אביב. ה.׳ס פּיעסע „אויפן לעצטן יאַריד“ — פון לעבן און קאַמף פון די יידישע איבערוואַנדערער אין ראַטנפאַרבאַנד“, איז אַריינגענומען געוואָרן אין רעפּערטואַר פון יידישן מלוכה-טעאַטער אין אוקראַאינע.

ה.׳ס פּיעסען זיינען, אַ חוץ אין פּעריאָדישע אויסגאַבן, דערשינען אין די פאַרלאַגן „די וועלט“, „צענטראַל“, „פּראָגרעס“, „קלעצקין“ און „מנחם“ אין אייראָפּע. אין 1916 האָבן די ליטעראַריש-דראַמאַטישע פאַראיינען אין אַמעריקע אַרויסגעגעבן 5 בענדער פון ה.׳ס „געזאַמעלטע דראַמען“. אין 1919 איז דערשינען איין פּיעסע אין ניו-יאָרקער ליט. פאַרלאַג. אין 1922 איז אַרויס אַ באַנד איינאַקטערס אין וואַרשעווער פאַרלאַג „קולטור-ליגע“, אין 1923 — אַ באַנד דראַמען אין קלעצקין-פאַרלאַג און אין 1929 — אַ צווייטער באַנד אין זעלבן פאַרלאַג.

ה.׳ס געדרוקטע פּיעסען אין יידיש:

[1] מרים

[געדרוקט אין „דער אידישער קעמפּפער“ ניו-יאָרק 1906]

[1א] באַרג אַראָפּ

דראַמע אין 4 אַקטען

„געזאַמעלטע שריפטען“, ניו-יאָרק, 1916,

פינפטער באַנד [88 ז. 16°]

[1ב] מרים

„עלנט און נויט“, ווילנע, 1923,

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין,
[85 ז. 16°].

[2] פערלאַג „די וועלט“
ווייטע און נאָהענטע
בילדער אין 4 אַקטען, יודיש א. א. בן-גור
[ווילנע [1906] 69 ז. 16°].

[2א] וואו דאָס לעבען פאַרגעהט
דראַמע אין 4 אַקטען
„געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק 1916,
פינפטער באַנד, [זז. 89-174, 16°]

[2ב] וואו דאָס לעבן פאַרגייט
„עלנט און נויט“, ווילנע, 1923,
ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין,
[זז. 86-170, 16°]

[3] איינזאַמע וועלטען
[„דאָס יודישע פאָלק“, ווילנע, 6, 1906]

[3א] אַ דראַמע אין איין בילד
ביכער-פערלאַג „די וועלט“, ווילנא 1906
[16 ז. 16°]

[3ב] „געזאַמעלטע דראַמען“, ערשטער באַנד,
ניו-יאָרק 1916 [זז. 121-141, 16°]

[3ג] „איינאַקטערס“, וואַרשע, פאַרלאַג „קולטור-ליגע“, 1922

[3ד] „עלנט און נויט“, ווילנע, 1923, ווילנער פאַרלאַג פון ב. א.
קלעצקין, [זז. 254-278, 16°]

[4] אויף יענער זייט טייך
אַ דראַמע אין דריי בילדער
[„דאָס יודישע פאָלק“, ווילנע, 21, 23, 25, 1906]

[4א] פ״ג „די וועלט“, ווילנא, 1908
[37 ז. 16°]

[4ב] „געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916, פינפטער באַנד
[זז. 175-223, 16°].

[5] נבלה
[„דער נייער וועג“, ווילנע, 1906]

[5א] אַ דראַמע אין פיער אַקטען
פערלאַג „די וועלט“, ווילנא 1907 [45 ז. 16°].

[5ב] „געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916
פיערטער באַנד, [זז. 67-132, 16°].

[5ג] אַ איבעריגער מענטש
„עלנט און נויט“, ווילנע, 1923,
ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין,
[זז. 171-253, 16°].

[6] קברים-בלומען
אַ דראַמאַטישער עטיוד
[„דער נייער וועג“, ווילנע, 1906]

[6א] פערלאַג „די וועלט“, ווילנא, 1908

[6ב] „געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916,
ערשטער באַנד, [זז. 235-252, 16°]

[6ג] „איינאַקטערס“, פ״ג „קולטור-ליגע“,
וואַרשע 1922.

[7] פון אייגענע און פרעמדע
[סאָציאַלע דראַמע אין 3 אַקטן, „די צייט“, ווילנע 1906]

[8] אין דער פינסטער
(אַ דראַמאַטישער עטיוד)
פערלאַג „די וועלט“, ווילנא, 1907
[20 ז. 16°].

[8א] „דיא וואַרהייט“, ניו-יאָרק, 24-25 אויגוסט 1907.

[8ב] „געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916,
ערשטער באַנד, [זז. 199-220, 16°].

[8ג] „עלנט און נויט“, ווילנע 1923, ווילנער פאַרלאַג
פון ב. א. קלעצקין, [זז. 279-306, 16°].

[9] דעמערונג
פאָעמע אין 3 אַקטען
[„דער המעורר“, ווילנע,]

[9א] פ״ג „דער המעורר“, ווילנא, 1908, [47 ז. 16°].

[9ב] צווישען טאָג און נאַכט
„געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916,
פערטער באַנד, [זז. 197-244, 16°].

[10] דער אינטעליגענט
דראַמאַ אין 3 אַקטען
פערלאַג „יבנה“, וואַרשא, 1907 [45 ז. 16°].

[10א] פערלאַג מאיר גאָלדפיין, קיעוו, 1919.

[11] די ערד
אַ דראַמאַ אין דריי אַקטען
פ״ג „די וועלט“, ווילנא, 1908 [46 ז. 16°]

[11א] פערלאַג „פּראָגרעס“, וואַרשא-ניו-יאָרק, 1911.

[11ב] „געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916
פערטער באַנד [זז. 133-196, 16°].

[12] דער תקיעת-כף
אַ דראַמאַ אין פינף אַקטען מיט אַ פּראָלאָג
פערלאַג „דער המעורר“, ווילנא
[46 ז. 16°]

[12א] „געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916,
פערטער באַנד, [זז. 166-206, 16°]

[12ב] „ווינט-מילן“, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין,
ווילנע 1929.

[13] אויפ'ן שייד-וועג
אַ דראַמאַ אין דריי אַקטען
פערלאַג „פּראָגרעס“, וואַרשא 1911, [76 ז. 16°]

[13א] „געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916
פערטער באַנד [זז. 245-327]

[14] ביים ברעג
אַ דראַמע אין דריי אַקטען
פערלאַג „פּראָגרעס“, וואַרשוי-ניו-יאָרק 1911
[72 ז. 16°]

[14א] „געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916
דריטער באַנד [זז. 84-165, 16°]

[15] יואל
פ״ג „צענטראַל“, וואַרשע [?]

[15א] פערלאַג „פּראָגרעס“, וואַרשע-ניו-יאָרק [?]
[84 ז. 16°]

[15ב] חוה
„געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916
פערטער באַנד, [זז. 1-65, 16°]

[16] דער לעצטער
אַ דראַמאַטישער פּראָלאָג אין דריי אַקטען
פערלאַג „פּראָגרעס“, וואַרשא 1911
[74 ז. 16°]

[16א] „געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916,
[זז. 1-83, 16°]

[17] צום ברייטען וועג
[סצענישער דיאַלאָג, געדרוקט אין „מיין בוך“, ווילנע
תרעד [1914].]

[18] די פוסטע קרעטשמע
אַ פאָלקסשטיק אין 4 אַקטען
[ווילנע [תרעד] 1914]
פערלאג „מנחם“, [117 ז. 16°]

[18א] „געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916
צווייטער באַנד, [זז. 1-127, 16°]

[18ב] „ווינט-מילן“, ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין, 1929.

[19] אַ פערוואָרפען ווינקעל
אין פיר בילדער
ווילנער פערלאג ב. א. קלעצקין, 1915
הויפט-פערקויף ביים ליטעראַרישן פערלאג,
ניו-יאָרק [96 ז. 16°]

[19א] „געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916
צווייטער באַנד.

[20] דאָס קינד פון דער וועלט
[דראמע אין 4 אַקטן]
„געזאמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916
דריטער באַנד, [זז. 207-304].

[21] אליהו הנביא
(אַ דאָרף-מעשה'לע)
„צוקונפט“, נ. י., יאַנואַר 1915

[21א] „געזאמעלטע דראמען“, ניו-יאָרק, 1916
ערשטער באַנד, [זז. 169-197]

[21ב] „איינאַקטערס“ וואַרשע, פ"ג „קולטור-ליגע“, 1922.

[22] בעבעלע
(אידיליע)
„צוקונפט“, נ. י., סעפטעמבער 1915

[22א] „געזאמעלטע דראַמען“, ניו יאָרק, 1916
ערשטער באַנד.

[22ב] „איינאַקטערס“, פארלאג „קולטור-ליגע“, וואַרשע, 1922

[23] ראָזשינקעס מיט מאַנדלען
(פאָלקס-אידיליע)
„צוקונפט“, נאָוועמבער 1915

[23א] „געזאמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916
ערשטער באַנד

[23ב] „איינאַקטערס“, פארלאג „קולטור-ליגע“, וואַרשע, 1922

[24] פונקען
אַ פּאָר שטריכען
„געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916
ערשטער באַנד [זז. 231-234]

[24א] „איינאַקטערס“, פארלאג „קולטור-ליגע“, וואַרשע, 1922.

[25] אַ לעבען פאַר אַ לעבען
דראמע [אין דריי אַקטען]
„געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916
ערשטער באַנד, [88 ז. 16°]

[25א] אַ דראַמע אין דריי אַקטן
„ווינט-מילן“, ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין
ווילנע, 1929.

[26] אויפ'ן שוועל
אַ פּאָר שטריכען
„געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916, ערשטער באַנד

[26א] „איינאַקטערס“, פ"ג „קולטור-ליגע“, וואַרשע, 1922.

[27] אַ זאַווערוכע
אַ מאָל האָבען אידען געהוליעט
„צוקונפט“ [?]

[27א] „געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916
ערשטער באַנד

[27ב] „איינאַקטערס“, פ"ג „קולטור-ליגע“, וואַרשע, 1922

[28] ווען עס פאַלט דער טוי
אידיליע
„געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916
ערשטער באַנד.

[28א] „איינאַקטערס“, פ"ג „קולטור-ליגע“, וואַרשע, 1922

[29] דעם שמידס טעכטער
[קאָמעדיע אין 3 אַקטן]
„געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916
צווייטער באַנד [105 ז., 16°]

[30] גרינע פעלדער
„געזאַמעלטע דראַמען“, ניו-יאָרק, 1916
פינפטער באַנד, [זז. 255-318, 16°]

[30א] „גרינע פעלדער“, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין
ווילנע 1929

[31] אַ חלום פון דער צייט
(פינף בילדער)
אידיש. ליטעראַרישער פערלאג
ניו-יאָרק 1919

[32] צוויי שטעדט
„צוקונפט“, נ. י. אָקטאָבער-דעצעמבער 1919

[32א] „גרינע פעלדער“, ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין,
ווילנע 1929

[33] אין שאָטען פון דורות
[דריי אַקטן]
„שריפטען“, [זאַמלבוך], ניו-יאָרק, פרילינג 1921
[42 ז. 16°]

[34] פראָסט-בלומען
„איינאַקטערס“, פ"ג „קולטור-ליגע“, וואַרשע, 1922

[35] לוי יצחק
עפילאָג אין דריי אַקטען
„צוקונפט“, נ. י., 8-6, 1923

[35א] „גרינע פעלדער“, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין,
ווילנע 1929.

[36] שדים ווייסען וואָס
אַ מעשה אין זעקס בילדער
„צוקונפט“, נ. י., 5-3, 1924

[37] די מויז מיטן גלעקעל
דראַמאַטישע פּאָעמע
„צוקונפט“, נ. י., יאַנואַר 1925

[38] הענט
פיעסע אין דריי אַקטן און זיבן בילדער
„די יידישע וועלט“, וואַרשע, 2-4, 1928.

אין העברעאיש:

[1] מרים
מחזה בארבע מערכות
[„הזמן“, זשורנאַל, ווילנע, 1-3, 1905]

[1א] הוצאת „תושיה", ורשה, תרסח [1908]

[2] הולכים וכבים
מחזה בארבע מערכות
[„הזמן, זשורנאל, ווילנע, 5-6,1905]

[2א] הוצאת „תושיה", ורשה, תרסח [1908]

[3] נבלה
דרמה בארבעה אקטים
[„הזמן", זשורנאל, ווילנע, 11-12, 1905]

[3א] ורשה, הוצאת „תושיה" — תרסח [1908]

[4] עולמות בודדים
דרמה באקט אחד
[„הנעורים", קראקוי, תרסד, ז׳. 667-676]

[4א] ורשה, הוצאת „תושיה", תרסח [1908]

[5] ילדים
חזיון במערכה אחת
[„הנעורים", קראקוי, 3, תרסה]

[5א] „בכורים", 21-22, קראקוי, תרסז [1907].

[6] במרתף
חזיון בתמונה אחת
[„הנעורים", קראקוי, תרסד, ז׳. 667-676.]

[6א] „בכורים", 23-24, קראקוי, תרסז [1907]

[7] תקיעת-כף
דרמה בחמש תמונות עם פרולוג
[„השלח", כרך יח, [1908], ז׳. 397-414]

[7א] „דרמות", ספר ראשון, תרגום המחבר.
ורשה, תרפב [1922], הוצאת אברהם יוסף שטיבל.

[8] בין ילדי השדה
„דרמות", ספר ראשון, תרגום המחבר
ורשה, תרפב [1922], הוצאת אברהם יוסף שטיבל.

[9] בצל הדורות
דרמה בשלש מערכות
„דרמות", ספר ראשון, תרגום המחבר
ורשה, תרפב, [1922], הוצאת אברהם יוסף שטיבל.

אין רוסיש:

П. Гиршбейнъ
Одинокіе Міры
Сборникъ драматическихъ произведеній
Томъ первый
Авторизованный переводъ съ еврейскаго
А. Бромбергъ и Л. Тривушъ
Т-во Издательское Бюро
С. П. Б. 1908

[1] Одинокіе міры
Драматическій этюдъ въ
1-мъ дѣйствіи

[2] Въ темнотѣ
Драматическій этюдъ въ
1-мъ дѣйствіи

[3] Цвѣты-могилъ
Драматическій этюдъ въ
1-мъ дѣйствіи

[4] По ту сторону рѣки
Драматическая поэма
въ 3-хъ картин.

[5] П. Гиршбейнъ
Сумерки
Драма въ 3 дѣйствіяхъ
переводъ Анны Брумбергъ
[Альманахъ молодой еврейской литературы
С. Петербургъ, 1908, стр. 247-297]

[6] П. Гиршбейнъ
Обрученіе
["Альманахи издательства Шиповникъ"
С. Петербургъ, 1909, книга 11, стр. 65-109]
[איבערזעצט א. ברומבערג?]

[7] Земля
"Всеобщая Библіотека", 1910
[לויט ז. רייזענס „לעקסיקאָן" I, ז. 845]
[איבערז. לעאָניעל, מיט אַ הקדמה פון קאַמיענניקאָוו]

אין דייטש:

Perez Hirschbein
Das Gelöbnis
Drama in Fünf Aufzügen
und Einem Prolog
übertragen von Alexander Eliasberg
[געדרוקט אין צווייטן באַנד פון עליאַסבערגס איבערזעצונגען, „יידיש טעאַטער", מינכען, 1919]

אין ענגליש:

[1] In The Dark
By Perez Hirschbein
(Translated by Jacob Robbins)
"East and West", N. Y., 5, 1915

[1a] Perez Hirschbein
In The Dark
Translated and Edited by Isaac Goldberg, Ph. D.
["Six plays of the
Yiddish Theatre", Boston,
John W. Luce and Co.
1916, pp. 177-210]

[2] Perez Hirschbein
Elijah The Prophet
(Translated by Elias Lieberman)
"East and West", N. Y., 9, 1915

[3] Perez Hirschbein
On The Threshold
Translated and Edited by Isaac Goldberg, Ph. D.
["Six plays of the "Yiddish Theatre", second series,
Boston, John W. Luce and Co.
1918, pp. 71-110]

[4] The Haunted Inn
A Drama in Four Acts by Peretz Hirschbein
Authorized translation from the Yiddish
by Isaac Goldberg
Boston, John W. Luce & Co.
[1921, pp. 163, 16°]

[5] The Stranger
[„ראַזשינקעס מיט מאַנדלען"]
by Perez Hirschbein

[6] The Snowstorm
Once Upon a Time Jews Made Merry
by Perez Hirschbein

When The New Falleth [7]
An Idyl by Perez Hirschbein
Authorized translations by
Etta Block, Cincinatti
Stewart Kidd Company, Publishers [1923]
[די אײנאַקטערס 4, 5, 6, זײנען געדרוקט אין בלאָקס בוך :
One Act Plays From The Yiddish]

Bebele, Idyl [8]
by Perez Hirschbein
Authorized translation
by Etta Block
[One-act Plays, second series,
New York, Block Pub. Co., 1929
pp. 1-25]

Lone Worlds [9]
By Perez Hirschbein
Authorized translation by Etta Block
[דאָרט, זז. 27-44]

מ. און ש. ע.

מ. ע. פון יעקב מעסטעל.

ז. רײזען — „לעקסיקאָן ייד. ליט.“, I, זז. 839-847.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II, זז. 195, 221-244, רשימה פון פיעסען.

דוד פינסקי — „דאָס אידישע דראַמא“, נ. י. 1909, זז. 51-56.

אָלגין — ביבליאָגראַפיע, „צוקונפט“, יולי 1915.

„די ווילנער אין לאָדז“, ליטעראַריש זאַמעלהעפט, לאָדז, מערץ 1918.

י. ענטין — דער טריאומף פון דער ליטעראַרישער פיעסע, „דיא וואַרהייט“, נ. י., 17 נאָוו. 1918.

ב. גאָרין — אַ ליטעראַרישע פיעסע און אַ מעלאָדראַמע, „מאָז“ש“, נ. י., 20 נאָוו., 1918

ל. קוסמאַן — די ליטווישע עפּאָכע אויף דער אידישער ביהנע, „דיא וואַרהייט“, 30 נאָוו. 1918.

י. ענטין — הירשביינס צווייטע קאָמעדיע אין אוירווינג פּלייס טעאַטער, „דיא וואַרהייט“, נ. י. 26 פעברואַר 1919.

הלל ראָגאָף — נאָך אַ פּערל פון פּרץ הירשביין אין אוירווינג פּלייס טהעאַטער, „פאָרווערטס“, נ. י. 5 מערץ 1919.

הלל ראָגאָף — פּרץ הירשביין׳ס „גרינע פעלדער“ אין אוירווינג פּלייס טהעאַטער, „פאָרווערטס“, נ. י. 6 יוני 1919.

אב. קאהאן — פּרץ הירשביינ׳ס „אַ לעבען פאַר אַ לעבען“ אין נייעם טהעאַטער, „פאָרוו.“, נ. י. 28 דעצעמבער 1920.

James Whittaker—“The Idle Inn”, “Sunday News”, Dec. 25, 1921.

Lawrence Reamer—“The Idle Inn”, “The New York Herald”, Dec. 21, 1921.

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער“, ביאַליסטאָק, 1921, I, ז. 72, II זז. 90-93.

לעד פּענסיל — וואָס פאַר אַן עולם קומט צו אַ לשון קודשדיגער פיעסע, „פאָרוו.“, נ. י. 20 מאַי 1921.

אב. קאַהאַן — נאָטיצען פון טהעאַטער און מוזיק, „פאָרוו.“ 23 דעצ., 1921.

אב. קאהאן — מאַדאַם קאַליש און מאָרים שוואַרץ אין צוויי פּסח׳דיגע פּיעסען, „פאָרוו.“, 19 אַפּריל 1922.

ס. דינגאָל — מאַדאַם בערטאַ קאַליש אין „דאָס קינד פון דער וועלט“, „טאָג“, 21 אַפּריל 1922.

אברהם מאָראַווסקי — פּרץ הירשביין, „טעאַטער און קינא“, לאָדזש. 2, 1922. —

Isaac Goldberg—“The Drama of Transition”, Cincinatti 1922, pp. 404-420.

א פרומקין — פּרץ הירשביין, „די אידישע וועלט“, פילאַדעלפיע, 21 פעב. 1923.

ישראל דער יענקי — „די גרינע פעלדער“, „יידטגבל’ט“, 29 פעב., 1924.

דר. א. מוקדוני — „דער דבוק“ און „די נבלה“ ביי דער ווילנער טרופּע, „מאָז“ש“, 15 פעב. 1924.

וו. גראָסמאַן — דער גרויסער שפּרונג פון דעם „דיבוק“ ביז צו דער „נבלה“, „דער טאָג“, נ. י. 6 פעברואַר 1924.

הלל ראָגאָף — די ווילנער טרופּע אין אַ רעאַליסטישער דראַמע, „פאָרוו.“ 6 פעברואַר 1924.

הלל ראָגאָף — די ווילנער טרופּע אין פּרץ הירשביין׳ס „גרינע פעלדער“, „פאָרוו.“ 27 פעב. 1924.

ב. גאָרין — די בעסטע פאָרשטעלונג פון דער ווילנער טרופּע, „מאָז“ש“ 26 פעברואַר, 1924.

אָלגין — ניט אמת, „פרייהייט“, נ. י. 8 פעברואַר 1924.

וולאַדימיר גראָסמאַן — „גרינע פעלדער“, „טאָג“, נ. י. 25 פעב., 1924.

דר. י. וואָרטסמאַן — אַ שעהנע פּיעסע פּראַכטפאל געשפּיעלט, „דער טאָג“ 17 נאָוו. 1918.

פּיף־פּאַף — „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל“, „דער גרויסער קונדס“, נ. י. 22 נאָוו., 1918.

נ. ה. — דאָס נייע אידישע טעאַטער, „דער אידישער קעמפּפער“, נ. י. 29 נאָוו. 1918.

נ. בוכוואַלד — הירשביינ׳ס אַ אידיליע ביי די ווילנער, „פרייהייט“, נ. י. 25 פעברואַר 1924.

ש. ערדבערג — די ווילנער און „די נבלה“, „יידטגבל’ט“, נ. י. 8 פעב. 1924.

מאָררים מיוער — אַ פּאָעמע פון בענקענים און ליעבעס קאַפּריזען, „די צייט“, לאָנדאָן, 22 מאַי 1924.

מאַרק שווייד — „מיט פּרץ׳ן“ נ. י. 1923, זז. 30-32.

דר. א. קאָראַלניק — „שדים ווייסען וואָס“, „טאָג“, נ. י. 27 נאָוו., 1924.

ל. קעסנער — „שדים ווייסען וואָס“, „יידטבל“ט“, נ. י. 8 נאָוו., 1924.

דר. א. מוקדוני — אַ שפּיעל פון שלח־מנות׳לעך, „מא“זש“, נ. י. 28 נאָוו., 1924.

נ.בוכוואַלד — שפּינוועב אַנטקעגען שטורם־ווינד, „פרייהייט“, נ. י. 31 נאָוו. 1924.

מיכאל ווייכערט — „טעאַטער און דראַמע“, 1926, I, זז. 95-100.

ש. קוטנער — זכרונות פון דער הירשביין־טרופּע, („טעאַטער־זכרונות“, רעד. ז. זילבערצווייג, ווילנע, 1928, זז. 86-89).

Barret H. Clark—“A Study of the Modern Drama”, N. Y. 1928, pp. 417-420.

ל. קעסנער — פּרץ הירשביין אין דעם אידישן קונסט־טעאַטער, „טעאַטער־בוך“, ניו־יאָרק, 1928-1929.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יודישן טעאַטער־קריטיקער, „אַרכיוו“, ווילנע, 1930 זז. 378-386, 414-514.

פּרץ הירשביין — אין קאַמף פאַר אַ בעסערן טעאַטער, אַ קאָזאַק — מיין מבין, וואַרשע, די טעאַטראַלע עקרה, דער לעצטער עטאַפּ, „ליטבל’ט“, וואַרשע, 43-47, 1930.

מ. אָשעראָוויטש — „דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד“, נ. י. 1930. זז. 94-95.

הירשפעלד, זלמן־לייב

געבוירן 3 אָקטאָבער 1902 אין סטאַוויסק, געוו. לאָמזער גובערניע, פּוילן. פאָטער — אַ פעלדשער. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר און דערנאָך אַריינגעטראָטן אין יאַראָטשינסקים תלמוד־תורה אין לאָדזש, וואוהין די פאַמיליע טראָגט זיך איבער נאָכן פאָטערס טויט. גע־ענדיקט אין 1917 די תלמוד־תורה, אין 1923 — דר. ברוידעס העברעאישע גימנאַזיע און געלערנט 2 סעמעסטערס אויפן פילאָזאָפישן פאַקולטעט אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט.

נאָך אַלס קינד אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו אימיטירן און אין דער גימנאַזיע זיך באַטייליקט אין די שול־פאָרשטעלונגען א“ל פון לע־רער טומאַן־טומאַנסקי (אַ געוועזענער פּראָפעסיאָנעלער רעזשי־סער) דערנאָך אַרויסגעטראָטן אויף יידישע, פּוילישע און העברע־אישע אָוונטן אַלס אימיטאַטאָר. לערנענדיק אין אוניווערזיטעט באַזוכט ה. גלייכצייטיק דר. מ. ווייכערטס דראַמאַטישער שול. צו־

ליב מאַטעריעלע סיבות באַזעצט זיך ה. אין לאָדזש, וואו ער לערנט אין דער פּוילישער דראַמאַטישער שול ביים שטאָט-טעאַטער (דיר. באַרווינסקי) און שפּילט עפּיזאָדן-ראָלן אין דאָזיקן טעאַטער. צו-ריקגעפאָרן קיין וואַרשע, לעבט דאָרט ה. פון געבן לעקציעס און שטודירט ווייטער אין דר. ווייכערטס דראַמאַטישער שול, פון וועל-כער עס אַנטשטייט שפּעטער דוד הערמאַנס סטודיע. אין 1925 פאָרט ה. מיט דער דאָזיקער סטודיע שפּילן איבער דער פּראָווינץ, און נאָכדעם ווי די סטודיע צעפאַלט זיך און ה. ווערט אָנגענומען אין אַרטיסטן-פאַריין, טרעט ער אַריין א״פ ל. סאַרנאָוו אין „אַזאַזעל״, אָבער נאָך צוויי חדשים גייט ער איבער אין יאָנאַס טורקאָווס פּראָווינץ טרופּע. אַ האַלב יאָר שפּעטער טרעט ה. אַריין אין „וויקט״ (לייטער: אידאַ קאַמינסקי און ז. טורקאָוו), דערנאָך שפּילט ער פיר חדשים אין קראָקעווער יידישן געזעלשאַפטלעכן טעאַטער (לייטונג א. מאַרעווסקי), ווידער אייניקע חדשים אין „אַזאַזעל״ און זייט 1928 אין דער „ווילנער טרופּע״.

ש. ע.

העלד, אַננאַ

[געב. בערך 1865 — געשט. 12 אויגוסט 1918]

געבוירן בערך 1865 אין וואַרשע, פּוילן. צו-זאַמען מיט די עלטערן אין דער פריסטער יוגנט געקומען אין פּאַריז, וואו איר מוטער ווערט אַ מאַרק-שטייערקע. געלערנט אין שול און גלייכצייטיק צוגעהאָלפן צו דער פרנסה דורכן פאַרקויפן בלומען אין גאַס.

אין 1885, נאָכן טויט פון איר פאָטער, גע-קומען מיט דער מוטער און די אַנדערע קינדער אין לאָנדאָן, און באַזיצענדיק אַ שיי-נע שטים אַריינגעטראָטן אין סמיטס טעאַ-טער. ה.׳ס חן און גראַציעזע פיגור ציען צו די אויפמערקזאַמ-קייט פון אַדלער, וועלכער שטודירט איין מיט איר „שולמית״ אין וואָס זי דעביוטירט, דערנאָך שטודירט איין מיט איר מאַקס ראָזענטאַל די ראָל „דינה״ אין „בר כוכבא״.

נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט אויף דער יידישער בינע אין לאָנ-דאָן, גייט ה. איבער צום פראַנצויזישן וואָדעוויל, דערנאָך צום ענג-לישן אין לאָנדאָן און צום דייטשן אין בערלין. אומעטום מאַכט ה. אַ גרויסן רושם און ווערט איינע פון די פּאָפּולערסטע אַר-טיסטקעס אין איר זשאַנר, ביז אין 1896 ווערט זי דורך זיגפילד אַנגאַזשירט קיין ניו-יאָרק פאַר די „זיגפילד-פאַליעס״. אויך דאָ האָט ה. אַ גרויסן דערפאָלג. זי פאָרט גאַסטראָלירן קיין פּאַ-ריז און נאָכן צוריקקומען שפּילט זי ווידער אין אַמעריקע, אָבער שוין מיט אַ קלענערן דערפאָלג.

אין פעברואַר 1918 איז ה. פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און דעם 12טן אויגוסט 1918 איז זי געשטאָרבן אין ניו-יאָרק און געקומען צו איר אייביקער רו אויפן קריסטלעכן וואודלאָן-בית-עולם.

מ. ע. פון מאַקס ראָזענטאַל, דיינע פיינמאַן, מ. ד. וואַקסמאַן, לעאָן נאַדאָלסקי, ישראל טאַבאַטשניקאָוו, שרה נאַדאַלסקי און יצחק פּערקאָף.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״ II, זז. 47, 150, 151.

[אַנאָנים] — אַננאַ העלד, — „פאָרוו.״, 28 מאַי, 1918.

י. מאַסלין — אַ אידישע טאָכטער וואָס איז בעריהמט געוואָרען אויף דער גוי׳אישער ביהנע, „דיא וואַרהייט״, 1 יוני 1918.

מערי דיימאָנד — אַננאַ העלד אַלס אַקטריסע און מענש, „דיא וואַרהייט״ 14 אויגוסט 1918.

אסתר באַלטיק — דער קריסטליכער טויט פון אַ אידישע טאָכטער, „דיא וואַרהייט״, 16 אויגוסט 1918.

דר. ש. מ. מלמד — אַננאַ העלד, „דיא וואַרהייט״, 28 סעפּט. 1918.

יעקב פּ. אַדלער — „מיין לעבען״, „די נייע וואַרהייט״, 26 אַפּריל, 9 מאַי 1925.

זלמן זילבערצווייג — לעבן פול פרייד און דער טראַגישער טויט פון אַננאַ העלד, „פרימאָרגן״, ריגע, 2 דעצ. 1928.

העלין, דוד

אַ וואַרשעווער, האָט אין 1840 אַריינגעגעבן אין וואַרשע אַ בקשה פאַר אַ דערלויבניש אויף „15 דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען אין דער יידישער שפּראַך״.

לויט דר. שאַצקי, איז ה. מסתמא דער, וואָס פלעגט יעדעס יאָר איינאָרדנען אין וואַרשע די פּורים-ספּעקטאַקלען נאָך פאַר 1840.

ה.׳ס ביטע איז אָפּגעזאָגט געוואָרן צוליב דער מסירה פון קהלה-שטיבל.

אַזעלכע מסירות זיינען אָפט פאָרגעקומען. דעם 8 מערץ 1837 שרייבט דער דאָזאָר א. פּאַפּראָצקי (אַ לערער פון דער ראַבי-נער שול, אַ געבילדעטער, אַן איידעם פון דירעקטאָר פון דער שול, אַנטאָן אייזענבוים) צום וואַרשעווער פּאָליציימייסטער [יידישע איבערזעצונג לויט נח פּרילוצקי]:

„צום דאָזאָר איז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז עטלעכע יידן זיינען זיך משתדל, מ׳זאָל זיי דערלויבן דעם קומענדיקן פּורים פאָר-צושטעלן אַ סצעניש שוישפּיל אין דער יידיש-דייטשישער שפּראַך.

דער אָנגעזעענער רב און אַ סך אַנדערע מיטגלידער פון דער היזיקער קהלה האָבן זיך געווענדעט צום דאָזאָר בוזשניטשי [קהלה-ראַט], און דער לעצטער האָט די ערע צו בעטן דעם גע-שעצטן גענעראַל, ער זאָל זיך רעכנען דערמיט, דאָס אַזאַ פאָר-שטעלונג ניט נאָר וואָס זי האָט ניט קיין שום מאָראַלישן איינ-פלוס אויף די געמיטער פון די צוהערער, נאָר, פאַרקערט, זי איז אַן אומאָנשטענדיק אָפּשפּאָטעניש, וואָס שטופּט צו דעמאָראַליזאַציע, און דאָס איז, לויט די רעליגיעזע דינים, שטרענג פאַרבאָטן, — און זאָל באַווילִיקן ניט צו דערלאָזן אַזעלכע פאָרשטעלונגען זאָלן פאָר-קומען, ווי אויך אַזוי גוט זיין, אויב ס׳וועט נויטיק זיין, פאָרצו-שטעלן וואו מ׳באַדאַרף, אַז אויך אַן אַנדערע מאַכט זאָל ניט אַרויס-געבן דערויף אַ דערלויבניש״.

דעם 17 (29) מערץ 1839 האָט דער דאָזאָר זיך ווידער געווענ-דעט וועגן אַן ענלעכן ענין צום וואַרשעווער וויצע-פּרעזידענט:

„היות דער קאַרנאַוואַל האָט זיך ביי די יידן שוין לאַנג געענ-דיקט, און דערצו נאָך איז אַ מנהג אין די יידישע קהלות, אַז נאָך דער פּטירה פון אַזאַ אויסגעצייכנטן רב ווי דער פאַרשטאָרבענער ש ל מ ה ל י פּ ש י ץ איז געווען, זאָל הערשן אַ געוויסער טרויער אין משך פון עטלעכע וואָכן, מחמת דעם איז דער דאָזאָר בוזשניטשי דרייסט צו בעטן, אַז דער הויכגעבוירענער ה׳ גענעראַל זאָל באַ-ווילִיקן ניט צו דערלאָזן אויף ווייטער די פאָרשטעלונג פון טעאַטער-שטיק אין דער יידישער שפּראַך, איבערהויפּט, ווי דער דאָזאָר האָט שוין געהאַט די ערע פריער פאָרצושטעלן, אַז ניט נאָר וואָס דאָס האָט ניט קיין שום מאָראַלישן ציל, נאָר, פאַרקערט, עס ווערט אַ סבה צו דעמאָראַליזאַציע און פאַרדאַרבונג. וועגן גיכן רעזולטאַט האָט דער דאָזאָר די ערע צו בעטן״.

דעם 10 (22) אַפּריל 1840 האָט דער דאָזאָר זיך ווידער געווענ-דעט מיט אַ מסירה. און אָט איז דער ענטפער פון אויבערפּאָליציי-מייסטער פון 12 (24) אַפּריל 1840:

„אַלס תשובה אויף די פאָרלייגונג פון דאָזאָר בוזשניטשי פון 10 (22) פון דיזן מאָנאַט לויט נומער 155, גיט צו וויסן: היות די מיינונג פון דעם דאָזיקן דאָזאָר, וואָס ער האָט אויפגעשריבן אויף

דער ביטע פון ייד דוד העלין, וועלכע יענער האָט דערלאַנגט דעם 13 (25) פעברואַר פון דיזן יאָר וועגן אַ דערלויבניש צו געבן 15 דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען אין דער יידישער שפּראַך, איז געווען ניט גינסטיק, דען דער דאָזיקער דאָזאָר האָט אָנגעשריבן, אַז די שוישפּיל, וואָס ווערט געגעבן אין דער אומריינער שפּראַך, מאַכט ניט קיין מאָראַלישן איינדרוק אויפן געמיט פון די צוהערער, נאָר, פאַרקערט, ווערט אַן אומאָנשטענדיק געשפּאַט, וואָס פירט צו דע-מאָראַליזאַציע און שיקאַנע, — דעריבער האָט דער הויכגעבוירענער ה' גענעראַל-אַדיוטאַנט שיפּאָוו, וואָס דערפילט די פליכטן פון מי-ליטערישן גובערנאַטאָר פון דער שטאָט וואַרשע, פאָרשטעלנדיק דעם דאָזיקן אומשטאַנד זיין דורכלויכט דעם פירשט פעלדמאַר-שאַל, אין נאָמען פון זיין פירשטלעכער מאַכט, באַפוילן צו וויסן צו געבן דעם ייד דוד העלין, דורך די קאַנצעלאַריע פון דער וואַר-שעווער פּאָליציי, אַז אויב אַזעלכע פאָרשטעלונגען קענען, ווירק-לעך, אַרויסרופן עפּעס אַן אומצופרידנקייט ביים דאָזאָר בוזש-ניטשי, אָדער זיינען קעגן דער יידישער רעליגיע, איז בעסער אָפּצו-זאָגן העלינס ביטע, ביז ער וועט ניט אויספּועלן אַ דערלויבניש ביי דעם דאָזיקן דאָזאָר". [טעקסט ביי ב. גאָרין].

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." I, זז. 132-4.

נח פּרילוצקי — נח פּרילוצקי'ס זאַמלביכער פאַר אידישן פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטורגעשיכטע, I באַנד, וואַרשע, 1912, זז. 149-52.

דר. יעקב שאַצקי — צושטייער צו דער געשיכטע פון דעם פאַרגאָלדפאַ-דענישן טעאַטער, „יידיש טעאַטער", וואַרשע, 3-4, 1927, זז. 288-90.

העלמאַן, זיידל שמואל-יהודה

געבוירן 1855 אין יאַסי, רומעניע. זיין שטרענג-רעליגיעזער פאָטער האָט אים גע-וואָלט מאַכן פאַר אַ שוחט, ער איז אָבער גע-וואָרן אַ חזן און מוזיק-לערער אין יידישע שולן. ה. האָט פאַרפאַסט פיל לידער און אַליין קאָמפּאָנירט צו זיי מוזיק: אַ טייל פון די דאָזיקע לידער זיינען אַריין אין רעפּער-טואַר פון אַלטן יידישן טעאַטער און אייניקע פון זיי, ווי „ישמחו", „ציונס צואה", „גע-דענק זשע יענקל", „ערוואַך, ישראליק", זיי-נען עד היום זייער פּאָפּולער אין רומעניע און ווערן געזונגען ווי פאָלקסלידער.

ה. האָט אָפּגעדרוקט ביז 200 לידער (אַ סך א"פ „הזמן") מיט און אָן מעלאָדיעס. אים געהערן אויך די לידער, וואָס זיינען אַריינ-גענומען געוואָרן אין קאָרנפעלדס יידישער איבערזעצונג פון „זכרונות לבית דוד" (געדרוקט אין קאָרנפעלדס „פאָלקבלאַט" יאַסי 1895-6).

ה. האָט אויך פאַרפאַסט העברעאישע שירים, האָט אַרויסגעגעבן אין יאַסי דעם „המבשר — בעלעטריסטישע מאָנאַטסשריפט פיר ציוניזמוס, קולטור, אינטערעסאַנטע נאַכריכטען, קונסט אונד און-טערהאַלטונג", און אַלס רעדאַקטאָר פון סאָציאַליסטישן „וועקער" (1896) האָט ער געשריבן פיל פּובליציסטישע אַרטיקלען.

אין 1890 האָט ה. אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער (צוזאַמען מיט אהרן ראָזענבלום) איבער דער רומענישער פּראָווינץ. אַבא שיינ-גאָלד נעמט אים דאַן קיין אַמעריקע, וואו ער טרעט אויף א"פ העל-מאַנעסקאָ אין ניו יאָרקער רומעניע אָפּערע הויז אין גאָרדינס „שלמה חכם" (צוזאַמען מיט אַדלער, שיינגאָלד, פּייוול פרידמאַן, טאַרנבערג און מאָשקאָוויטש), אָבער נאָך דריי חדשים גייט ה. איבער אין טאַליאַ-טעאַטער (צוזאַמען מיט טאָמאַשעווסקי, בלאַנק און פיינ-קעלשטיין). אויך דאָ שפּילט ער נאָר 2 חדשים, דערנאָך צו סע-זאָנען אין פילאַדעלפיע (מיט אבא שיינגאָלד), באָסטאָן (מיט לאַרגמאַן), פּיטסבורג (מיט לאַרגמאַן) און קומט צוריק אין ניו-יאָרק), וואו ער האָט אָבער ניט קיין מעגלעכקייט צו שפּילן און פאָרט צוריק קיין רומעניע. דאָ שפּילט ה. אַ יאָר. אַ חוץ לידער, קופּלעטן און איינאַקטערס האָט ה. אויך געשריבן פאָלגענדע פּיעסן: „בעל-שם" (געשפּילט אין 1891-2 דורך יאָוועליר אין יאַסי), „בעל-נס" (געשפּילט דורכן מחבר אין 1893 אין יאַסי). דאַן ווערט ה. אַ קאַנטאָר אין ניישאַצס טעמפּל און טרעט זייט דאַמאָלט אַרויס אויף דער בינע בלויז אין זיין רעווי „גוג ומגוג" (אויפגעפירט 1920 אין יאַסי דורך קאַהאַנע, בערגער און טעפּנער).

ה. — איצט אַ סגני נהור, — האָט אין מאַנוסקריפּט אַ צייט-פּיע-סע „פאַנטילעמאָן" און אַ ביבלישע פּיעסע „רות" — ביידע נאָך ניט אויפגעפירט.

מ. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 857-8.

משה גראָס — אויף די וועגן פון וועלוועל זבאַרזשער און אברהם גאָלדפאַדען, „טאָג", 9 אויגוסט, 1930.

העניג, מאַקס

געבוירן 1892 אין טאַרנאָוו, גאַליציע, ביי חסידישע עלטערן. ביזן עלטער פון 14 יאָר געלערנט ביי אַ רבי און למודי חוץ — ביי אַ לערער. באַקומען אַ פאַרלאַנג צו „זען די וועלט" און אַוועק קיין ווין, וואו ער אַרבעט בייטאָג אין אַ מאַנופאַקטור-געשעפט און אין אָוונט איז ער אַקטיוו אין אַ געזאַנג-פאַריין.

אין 1909 געקומען אין אַמעריקע און אונ-טער דער השפּעה פון משה ריכטער אַריינ-געטראָטן אין אַ דראַמאַטישן קלוב, דעביו-טירנדיק אין ברוך שאָרס „שמשון הגבור". אַ קורצע צייט שפּע-טער אַרומגעפאָרן מיט אַ פּראָפעסיאָנעלער טרופּע איבער אַמעריקע.

אין 1918 געוואָרן אַ מיטגליד אין דער אַקטיאָרן-יוניע, געשפּילט צו אייניקע סעזאָנען אין נוארקער יידישן טעאַטער און אין די ניו-יאָרקער ליריק און פּראָספּעקט טעאַטערס, 1928-9 אין טאָראָנטאָ און 1929-30 אין בראָנקסער מעקינלי סקווער-טעאַטער.

ש. ע.

העריק, מייראָן ט.

[געב. 9 אָקט. 1854 — געשט. 31 מערץ 1929]



געבוירן 9 אָקטאָבער 1854 אין האָנטינג-טאָן, אָהייאָ, אַמעריקע, ביי קריסטלעכע על-טערן. נאָכן ענדיקן די אוניווערסיטעט פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַט, געווען באַטיי-ליקט אין אייניקע גרויסע באַנק-קאָרפּאָראַ-ציעס אין קליוולאַנד, שפּעטער אַ מיטגליד פון דער אָרטיקער שטאָט-אַדמיניסטראַציע. פון 1903 ביז 1906 געווען גאָווערנאָר פון שטאַט אָהייאָ. דעם 15 פעברואַר 1912 באַ-שטימט געוואָרן אַלס אַמעריקאַנער אַמבאַסאַ-דאָר אין פראַנקרייך און דעצעמבער 1914, נאָכן ענדיקן דעם טער-מין אַלס אַמבאַסאַדאָר, זיך צוריק באַזעצט אין קליוולאַנד און גע-נומען אַ וויכטיקן אַנטייל אין שטאָט-ענינים.

קליוולאַנד האָט דאַמאָלט ניט געהאַט קיין שטענדיקן יידישן טעאַ-

טער-בנין און די פאַרשיידענע וואַנדערנדע טרופּעס פלעגן זיין געצוואונגען צו שפּילן אין אַ קליין ביליק טעאַטערל. דורך דער איניציאַטיוו פון סאַלאָן-באַזיצער הערי בערנשטיין (באַקאַנט א״נ „דער צאַר פון קליוולאַנד״) און יעקב קירשענבוים פאַראינטערעסירט זיך ה. מיטן מצב פון יידישן טעאַטער אין קליוולאַנד און בויט אויס אין 1915 אַ בנין פאַר יידיש טעאַטער א״נ „האָלטנארט טעאַטער״ (אויף 55 סטריט און וואודלאַנד עוועניו). איין סעזאָן איז ה. אויך געווען [אינקאָגניטאָ] דער דירעקטאָר פון דער יידישער טרופּע א״פ פון דוד לעווינסאָן, וועלכער האָט דאָרט געשפּילט.

שפּעטער איז ה. ווידער באַשטימט געוואָרן אַלס אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין פראַנקרייך. דעם 31 מערץ 1929 איז ה. געשטאָרבן אין פּאַריז און איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין זיין היים-שטאָט אין אַמעריקע.

יעקב קירשענבוים — ווי אַמבאַסאַדאָר העריק האָט געבויט און אויפגעהאַלטען אַ אידישען טעאַטער אין קליוולאַנד, „מאָ״זש״, נ. י. 3 אַפּריל 1929.

Henry Hart—Myron I. Herrick; A Friend of the Jews, “Jewish Tribune,” N. Y., Apr. 12, 1929.

הערמאַלין, דוד-משה

[געב. 12 מאַי, 1865 — געשט. 19 יוני 1921]

געבוירן 12 מאַי 1865 אין וואַסלואי, רומעניע. פאָטער — אַ סוחר, האָט אים געגעבן אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך זיך אָפּגעגעבן מיט וועלטלעכער בילדונג און שפּעטער געלערנט ביים לערער הלל גאָלדענקראָן העברעאיש, רומעניש, דייטש און פראַנצויזיש. אין עלטער פון 16 יאָר אַנטלאָפן פון די עלטערן קיין בוקאַרעסט און דאָרט פאַרבליבן 4 יאָר.

1885 וואַנדערט אויס ה. קיין ניו-יאָרק, טרעט דאָ אַריין אין דער „אידישע פאָלקס ציטונג״, איז בערך אַ יאָר צייט אַ העברעאישער לערער אין מאָנטרעאַל, קומט צוריק אין ניו יאָרק און ווידמעט זיך דער יידישער זשורנאַליסטיק. ב. האָט פאַרעפנטלעכט אין דער פּעריאָדישער יידישער פּרעסע לייכטע, פּאָפּולערע אַרטיקלען, ראָמאַנען, פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען און אַ גאַנצע ריי איבערזעצונגען און באַאַרבעטונגען פון דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור, פון וועלכע פיל, אויך אָריגינעלע ראָמאַנען, דערשיינען שפּעטער אַלס סעפּעראַטע ביכער.

אין 1895, ווען די יידישע בינע אין אַמעריקע איז באַהערשט פון דעם „קלאַסיקער פּעריאָד״, באַאַרבעט ה. אויף יידיש שעקספּירס „יוליוס צעזאַר״ און „מאַקבעט״, וועלכע ווערן באַלד דערויף אויפגעפירט. ווערנדיק אַזוי אַרום אַריינגעצויגן אין קרייז פון יידישן טעאַטער, נעמט ה. שרייבן דעם סאָרט מעלאָדראַמען און „לעבענס-בילדער״, לויטן געשמאַק פון יענער צייט. אַזוי פירט מען אויף אין 1899 זיינע [באַאַרבעטע] פּיעסן: „דאָס קינד פון דער מדבר״, אָדער „געפאַנגען אין נעץ פון ווילדער ליבע״ (אין 5 אַקטן), „פּייגעלע״, אָדער „נויט ברעכט אייזן״ (אין 4 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג), אין 1900: „דער יידישער גאַמבלער״, אָדער „אויפן מזבח פון ליבע״, „דער גאָלדזאַק״, אָדער „ליבע און גאָלד״, „יאָזעפוס״, אָדער „דער יידישער גלאַדיאַטאָר״ (דראַמאַטיזירונג פון יאַן קאָוואַליס ראָמאַן „ספּאַרטאַקוס״) און אַ באַאַרבעטונג פון שעקספּירס „קאַריאָלאַנוס״. אין 1901: די היסטאָרישע אָפּערעטע „די אידן אין בראַזיליע״ אָדער „פּרינץ ראָדעריגאָ״, אין 1902: די דראַמע „די קרוין פון שאַנדע״, אין 1904: אַן איבערזעצונג פון סטרינדבערגס „דער טאַטע״, אין 1906: די איבערזעצונג פון ראָנעטי ראָמאַנס „מנשה״ און אין 1907: די איבערזעצונג פון דער מעלאָדראַמע „אָלגאַ״, אָדער „די געהיימניסע פון קלויסטער״.

ה. האָט אויך איבערזעצט געטעס „פאַוסט״, וואָס איז דערשינען אין זיינע איבערזעצטע 4 בענדער „געקליבענע שריפטן פון וואָלפגאַנג געטהע״ (היברו פּאָבלישינג קאָמפּ. נ. י. 1912).

דעם 19 יוני 1921 איז ה. געשטאָרבן אין ניו יאָרק.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״ I זז. 866-70.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״ I, ז. 141 (רשימה פון פּיעסען).

נ. ב. ל. — זייער גייסט איז נאָך מיט אונז, „טאָג״, נ. י. 23 נאָוו. 1924.

שלום פּערלמוטער — אידישע דראַמאַטורגען, „די אידישע וועלט״ קליוולאַנד, 23 דעצ. 1928.

הערמאַן, דוד

געבוירן יוני 1876 אין וואַרשע, פּוילן, ביי חסידישע עלטערן. געלערנט אין חדר פון יאָשע חריף, דערנאָך אין בית-המדרש. אונטער דער השפּעה פון מיכל וועבערס אַ בוך און אַנדערער השכלה-ליטעראַטור אָנגעהויבן אַריינפאַלן אין ספקות, געוואָרן אַן אפּיקורס און צו 18 יאָר גענומען לערנען אין געהיים למודי-חול. באַלד אויך אָנגעהויבן שרייבן אין פּויליש און העברעאיש (איגנאָרירנדיק יידיש) און אַרויסגעטראָטן מיט פאָרלעזונגען און דעקלאַמאַציעס אין פּריוואַט-לאָקאַלן. אַריינגעצויגן אין אַ יידיש-אַסימילירטער און קריסטלעכער סביבה, באַקומט ער פון זיי פינאַנציעלע מיטלען פאָרטצוזעצן זיין שטודיום אין פּויליש און פאָרט קיין קראָקע, וואו ער דערנענטערט זיך דווקא דער יידישיסטישער ריכטונג און מאַכט זיך פאַר אַן אויפגאַבע צו הייבן דעם ניוואָ פון יידישן טעאַטער. צו דעם צוועק טרעט ער אַריין אין דער וואַרשעווער פּוילישער דראַמאַטישער שול, וועלכע ער ענדיקט אַלס רעזשיסער.

אין 1903 אָרגאַניזירט ה. אַ דראַמקרייז, מיט וועלכן ער פירט אויף אין 1907 אין וואַרשעווער טעאַטער לעטני פּרץ׳ס „ס׳ברענט״ און „שוועסטער״, שלום עליכםס „מזל-טוב״ און אַשס „מיטן שטראָם״.

אין פרילינג 1908 רעזשיסירט ער אין אַ לאָדזשער דראַמאַטישן קרייז פּרץ הירשביינס „תקיעת-כף״, וואָס ווערט אויפגעפירט מיטן אָנטייל פון מחבר, און פּלאַנט צוזאַמען מיט פּרץ הירשביין צו גרינדן אַ „ליטעראַריש-דראַמאַטיש טעאַטער״, וואָס ווערט אָבער ניט פאַרווירקלעכט.

ה. פאָרט אָפּ קיין ווין און צוזאַמען מיט עגאָן ברעכער אָרגאַניזירט ער אַ טרופּע און זיי פירן אויף אין דייטש פּינסקיס „די פאַמיליע צבי״ און „אייזיק שעפטעל״, [לויט שכנא עפּשטיין — „דער אייביקער ייד״], אַשס „מיטן שטראָם״, אייניקע איינאַקטערס פון פּרץ און גרייטן אויך ה.׳ס באַאַרבעטונג פון מענדעלעס „די קליאַטשע״. אָבער נאָכן שפּילן 3 חדשים האָט די דירעקציע פון דעם טעאַטער באַנקראָטירט.

צוריקגעקומען אין רוסלאַנד, פירט אויף ה. אייניקע פּיעסן אין דער „הירשביין-טרופּע״ (אין וועלכער ער שפּילט אויך מיט)

און עפנט דערנאָך אין וואַרשע, צוזאַמען מיט פּרץ און דר. מוקדוני, די ערשטע יידישע דראַמאַטישע שול, פון וועלכער ס'זיינען אַרויס זיגמונד און יאָנאַס טורקאָוו, יעקב וויסליץ און אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע יידישע אַקטיאָרן.

די שול פלעגט פון צייט צו צייט איינאָרדנען פאָרשטעלונגען.

ה. רעזשיסירט אויך אייניקע אויפירונגען אין די לאָדזשער דראַמאַטישע קרייזן „האַרפע" און „דראַמאַטישע קונסט" און טרעט אָפּט אַרויס אין דער פּוילישער פּראָווינץ אַלס פּאַרלייענער, באַזונדערס פון פּרץ'ס „די גאָלדענע קייט".

בעת די „ווילנער טרופּע" קומט אין וואַרשע, טרעטן אין איר אַריין ה. צוזאַמען מיט זיינע תלמידים נאָרוויד, טאַרלאָ, מרים שיק און שידלאַ, און פירט דאָרט אויף הירשביינס „נבלה", שניצלערס „ליבעליי", הירשביינס „דער תקיעת-כף" און אַנסקיס „דער דיבוק". ה.'ס רעזשי-קאָנצעפּציע פון „דבוק" ווערט דערנאָך קאָפּירט ביי פאַרשיידענע „דיבוק"-אויפירונגען אויף די יידישע און ניט-יידישע בינעס. נאָכן אויפירן „דער דיבוק" אין לאָדזשער יידישן דראַמאַטישן טעאַטער (דיר. צעלמייסטער) פאָרט ה. מיט אַ טייל דאָרטיקע אַקטיאָרן און אַ טייל פון אַזראַס „ווילנער טרופּע", גאַסטראָלירן איבער מערב-אייראָפּע. צוריקגעקומען אין וואַרשע, גרינדעט ה., צוזאַמען מיט דר. מ. וויכערט, אַ נייע דראַמאַטישע סטודיע, פון וועלכער עס זיינען אַרויס די איצטיקע יידישע אַקטיאָרן דוד בירנבוים, זלמן הירשפעלד, אברהם וואָלפשטאַט, מאַנסדאָרף, מעלניק, פּאַטאַשינסקי, קראַמאַרזש, קורלאַנד און קאַמינער.

אין אַפּריל 1927 פירט אויף ה. מיטן „גאָלדפאַדען-פאַריין" אין סטאַניסלאַוואָוו פּרץ'ס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", שפּעטער לעווינסאָנס „די ווייבערישע קניפּלעך" און אַנד. פּיעסען. דערנאָך טרעט ער צוריק אַריין אַלס רעזשיסער אין דער פּוילישער „ווילנער טרופּע" און פירט מיט זיי אויף לעווינסאָנס „די ווייבערישע קניפּלעך". העבעלס „יהודית און הולפרנוס", פּרץ'ס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", וו. קאַטאַיעווס קאָמעדיע „מאַן, ווייב און רעוואָלוציע" („די קוואַדראַטור פון ראָד") און פּרעגערס „דער נסיון".

דעם 20 דעצעמבער האָט ה. אויפגעפירט אין „וו'ניט" אין וואַרשע, דר. ב. צפּורס „אויפשטאַנד".

ה. איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון דער קליינקונסט-בינע „אַזאַזעל" און אַ געוויסע צייט איר רעזשיסער.

ה. האָט איבערזעצט די 5-אַקטיקע דראַמע „לאַסמי" פון יאַן פאַבריציוס.

מ. וואַנוווילד — „פּסיידאָ-קונסט און פּסיידאָ-קריטיק", לאָדזש, 1921.

דר. אַנזעלם קליינמאַן — דער „דבוק" אין ניו-יאָרק און אין בערלין, „יידיש טעאַטער", וואַרשע, 1922, IV-V, זז. 30-36.

דר. א. מוקדוני — „דער דבוק" און „די נבלה" ביי דער ווילנער טרופּע, „מאָז"ש", נ. י. 15 פעב. 1924.

וו. גראָסמאַן — דער גרויסער שפּרונג פון דעם „דיבוק" ביז צו דער „נבלה", „דער טאָג", נ. י. 6 פעברואַר 1924.

א. ליטוואַק — די יונגע הערמאַן-טרופּע, „ליטבל'ט", וואַרשע, 67, 1925.

דוד הערמאַן — פּרץ און די ערשטע יידישע טעאַטער-סטודיע אין וואַרשע, „אונזערע פאָלקס-צייטונג", אילוסטרירטע פּרץ-ביילאַגע, וואַרשע, 87, 1925.

מיכאל וויכערט—„טעאַטער און דראַמע", 1926, I, זז. 44-45, 107-121. II, זז. 63-66.

נחמן מייזיל — י. ל. פּרץ און דאָס יידישע טעאַטער, „יידיש טעאַטער", וואַרשע, 1927, 2, זז. 165-167.

אהרן צייטלין — ביי די ווילנער אין לעמבערג, „ליטב'לט", וואַרשע, 3, 1927.

נ. מייזיל — „די ווייבערישע קניפּלעך" ביי „די ווילנער", „ליטב'ל", 34, 1928.

נחמן מייזיל — פּרץ'ס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" ביי דער „ווילנער טרופּע", „ליטב'ל", 42, 1928.

נ. מ. — קוואַדראַטור פון ראָד פון וו. קאַטאַיעוו ביי די „ווילנער" אין וואַרשע, „ליטבל'ט", 7, 1929.

נחמן מייזיל — פּרעמיערע אינם וואַרשעווער נייעם יידישן טעאַטער, „ליטבל'ט" 52, 1929.

דר. י. ב. צפּור — אויך וועגן מיין „אויפשטאַנד", „ליטבל'ט", 3, 1930.

ש. ל. שניידערמאַן — דאָס וויכטיקסטע פון וויכטיקסטן, „ליטבל'ט", וואַרשע, 8, 1930.

פּרץ הירשביין — אין קאַמף פאַר אַ בעסערן טעאַטער, „ליטבל'ט", וואַרשע, 43, 1930.

פּרץ הירשביין — די טעאַטראַלע עקרה, „ליט"בלט", וואַרשע, 45-46, 1930.

הערץ, יוסף

[געב. 4 מאַי 1776 — געשט. 23 מאַי 1828]

געבוירן 4 מאַי 1776 אין פירט, בייערן, אַלס זון פון הערץ עשוועגל. האָט זיך אויסגעבילדעט אַלס לערער פון צייכנען און געלערנט קאַליגראַפיע די קינדער אין דער אָרטיקער תלמוד-תורה. ה. איז כל ימיו פאַרבליבן אַ בחור, געלעבט אָפּגעזונדערט און האָט זיך אין זיינע קרייזן קונה שם געווען אַלס גראַווירער פון וויניעטן צו פאַרשיידענע דאַמאָלטיקע אויסגאַבן.

ה. איז [לויט זלמן רייזען] איינער פון די לעצטע פאָרשטייער פון דער אונטערגעגאַנגענער יידישער ליטעראַטור אין דייטשלאַנד, האָט פאַרפאַסט אַ געגראַמט פּורים-שפּיל א"ט „אסתר אָדער דיא בעלאָהנטע טוגענד. איינע פּאָזזע אין פיער אבשניטטען . . . אין יידיש-דייטשער מונדאַרט", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין 1828 אין פירט (די הקדמה איז דאַטירט חשון תקפ"ה).

דאָס שטיק האָט ניט קיין קינסטלערישן ווערט. אין דעם דייטשן „פאָרוואָרט דעז פערפאַססערז" איז ה. אַליין זיך מתנצל, אַז „דיעזעס ווערקכען איזט צו גערינגפיגיג" און „נור אַלס איינע בעלוסטיגענדע אונטערהאַלטונג פיר מיך בעטראַכטעטע, אונד נור דורך דאַז דרינגענדע ביטטען מיינער פרוינדע מיך ענטשלאָס, עז דעם דרוקקע צו איבערגעבען"; עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש אַלס איבערבלייבעניץ פון דעם מין יידישע ליטעראַטור אין דייטשלאַנד, וואָס איז גיבער אויסן די קוריאָזיטעט פון יידיש אין די אויגן פון די כלומרשט אויפגעקלערטע שפּראַך-אַסימילאַנטען — איידער דאָס אמתע ליטעראַרישע שאַפן. מיט איר פאָלקסטימלעכן, אָפט גאַנץ טריוויאַלן הומאָר, האָט ה.'ס פּורים-שפּיל אין אַ געוויסער מאָס אַ פאָלקלאָריסטישן און אפילו אַ קולטור-היסטאָרישן ווערט, אָפּשפּיגלענדיק (אין אַנאַכראָניזמען) מאַנכע דערשיינונגען פון יידישן לעבן אין דייטשלאַנד אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט. בפרט איז די פּיעסע וויכטיק אַלס דאָקומענט פון בייערישן יידיש, ספּעציעל פון דער אַלטער יידישער קהלה פ י ר ט, מיט איר ספּעציפישן דיאַלעקט, וואָס ה. גיט אַזוי געטריי איבער.

די פּיעסע האָט, ווייזט אויס, געהאַט אַ געוויסן דערפאָלג אין די קרייזן פאַר וועלכע זי איז געווען באַשטימט און איז דערשינען אין אַ צווייטער אויפלאַגע (פ"ג ס. ב. גוסדאָרפער, פירט, 1854, זז. 128, אין ווייבער-טייטש שריפט), אין וועלכער עס זיינען אויך אַריין נאָך אַנדערע לידער און אַ פּאַראָדיע אין פּראָזע.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 870-2.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." I, ז. 58.

הערץ, יוסף ה. הרב

רב הכולל פון ענגלאַנד. בעת זיין אַמטירן אין דרום-אַפריקע, אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן אינטערעס פאַרן יידישן טעאַטער, און געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן „יעקב גאָרדין און די יידישע בינע".

דער רעפעראַט איז אונטערן נאָמען פון רעפערענט געדרוקט אין יאָהאַניסבורגער וואָכנבלאַט "THE SOUTH AFRICAN JEWISH CHRONICLE" פון 11 מערץ 1910.

מ. ע. פון אסתר וואַלערשטיין.

הערשעלע

[הערשעלע דאַניעלעוויטש]

געבוירן 30 יאַנואַר 1882 אין ליפּנע, פּלאָצקער קרייז, פּוילן. צוליב דער גזרה אויף יידן ניט צו וואוינען אין דערפער, האָט זיין פאַטער, אַ וואַלד-שרייבער, אין זעלבן יאָר געמוזט זיך אַריבער-קליבן מיט דער פאַמיליע קיין וואַרשע און שפּעטער קיין לאָדזש.

דאָ לערנט ה. אין חדר און ווערט אין דער פריסטער יוגנט, צוליב זיין מאַמעס טויט, אַן אַרבעטער. דעביוטירט אין 1904 אין זמ"ה „פונקען", לאָדזש, א"פ „הערשעלע" און זייט דאַמאָלט פאַרעפנטלעכט לידער און דערציילונגען און אַרויסגעגעבן אייניקע ביכער. 1908-10 — געלעבט אין דער שווייץ. אין קריגס-צייט מיטגעאַרבעט אין רע-דאַקציע פון „לאָדזשער פאָלקסבלאַט" און איבערזעצט קאַלמאַנס אָפּערעטע „די רויז פון סטאַמבול", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער. אין 1929 איז אין פ"נ גיטלין, וואַר-שע, דערשינען ה.'ס איבערזעצונג פון שילערס „ווילהעלם טעל".

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I זז. 668-9.

הערשקאָוויטש, איציק

געב. 15 יולי 1880 אין בערלאַד, רומעניע. אַלס יונג יונגעל נאָך פּלעגט ער זייער ליב האָבן יידיש טעאַטער און האָט מיט „ליב-האָבער" אויפגעפירט אייניקע פּיעסן פאַר וואוילטעטיקע צוועקן.

אין 1899, בעת די גרויסע אַנטיסעמיטישע אומרוען אין רומעניע, איז ער איינער פון די, וועלכע אָרגאַניזירן אַ גרופּע פון 127 יידן פון זיין שטאָט און לאָזן זיך וואַנדערן צופוס קיין אַמעריקע.

ווען ער איז אין יולי 1900 אָנגעקומען אין אַמעריקע, האָט ער אָנגעהויבן אין די טעאַטערס טאַליאַ און ווינדזאָר איבערצושרייבן ראָלן און פּיעסן, דערנאָך איז ער געפאָרן איבער דער פּראָווינץ אַלס סופלער, שפּעטער סופלירט ער אין די ניו-יאָרקער טעאַטערס, דער-נאָך געוואָרן פּובליסיטי-אַגענט ביים יידישן פּראָווינץ-מענעדזשער רעלקין און דאַן צוריק געוואָרן סופלער.

אין 1927 איז ה. קראַנק געוואָרן און צייטווייליק זיך צוריקגע-צויגן פון דער אַרבעט.

ש. ע.

הערשקאָוויטש, מלך

געבוירן 16 אויגוסט 1891 אין לאָדזש, פּוילן, ביי פאַרמעגלעכע עלטערן. געלערנט אין פּאַזנאַנסקיס שול. אין דער פריסטער יוגנט באַזוכט דאָס יידישע טעאַטער און נאָכגעמאַכט אין דער היים די העוויות פון די אַקטיאָרן. עטלעכע יאָר שפּעטער ווערט ה. אָנפירער פון אַ ליבהאָבער-גרופּע מיט וועל-כער ער שפּילט אין דער נאָענטער סביבה.

אין קריגס-צייט האָט ה. אַלס געפאַנגע-נער אָרגאַניזירט אין אַן אונגאַריש געפאַנ-גענלאַגער יידישע פאָרשטעלונגען און דערנאָך 3 יאָר א"נ האַרש-פאַלווי מאַרקוס געשפּילט אויף אונגאַריש א"ד פון פאָלגאַר קאַראָל און שפּעטער אַרומגעפאָרן מיט אַן אונגאַרישער פּראָווינץ-טרופּע אַלס גאַסטראָלער אין דער ראָל „ראַבינער" אין דער קריגס-פּיעסע „ליאַן-לעאַ".

אָנגעקומען אין ווין שפּילט ה. אין דער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע" אין ווין און דערנאָך אין רומעניע. נאָך אַן הפסקה טרעט ה. אַרויס אויף ליטעראַרישע אָוונטן און פאָרט אַרום מיט קליינע טרופּעס איבער טשעכאָ-סלאָוואַקיע, דערנאָך שפּילט ער אַ יאָר אין ווינער יידישן טעאַטער רעקלאַם.

ה. האָט אָנגעשריבן אייניקע פּיעסן פון וועלכע „די שטיפמאַ-מע" איז אויפגעפירט געוואָרן דעם 1טן אויגוסט 1920 אין האָטעל בייערישער הויף, „די צרות פון די יידן אין גאַליציע", צייטבילד אין דריי אַקטן, געשפּילט אין ראָלאַנד-בינע דעם 21טן אויגוסט 1921, „די פרוי פון זיבן מענער", דראַמע אין 3 אַקטן, אויפגעפירט אין יידישן קינצלער-קאַבאַרעט (רעזשי מאַקס שטערנג) דעם 22 מאַי 1926 און נאָך אייניקע איינאַקטערס.

ש. ע.

הערשקאָוויטש, שלמה

געבוירן 1885 אין אַ קליין שטעטל אין קעל-צער גוב. פּוילן, אין אַ בעל-הביתישער פאַמי-ליע. דערצויגן געוואָרן אין לאָדזש, וואו ער ענדיקט צוויי קלאַסן פאָלקס-שול, זינגט אין כאָר פון דער סינאַגאָגע און אין די קינדער-כאָרן פון פאַרשיידענע יידישע טרופּעס.

געקומען אין באַרירונג מיטן טעאַטער, דער-וועקט זיך אין ה. אַ ליבע צו דער בינע, און צוזאַמען מיט שול-יינגלעך פירט ער אויף אין בערלינער זאַל די אָפּערעטע „שולמית", אין וועלכער ער שפּילט די טיטל-ראָל.

אין 1905 האָט ה. זיך באַטייליקט אין דער ליבהאָבער-אויפירונג פון פּינסקיס „פאַמיליע צבי" אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער. דאָרט ווערט ער באַמערקט פון רעזשיסער און אַקטיאָר טיטעלמאַן, וועל-כער נעמט אים אַריין אין זיין וואַנדער-טרופּע איבער רוסלאַנד, וואו ה. דעביוטירט אַלס „שלמה זייגערמאַכער" אין טשיריקאָווס „יידן". נאָכן שפּילן 1½ יאָר אין דער דאָזיקער טרופּע, קומט ה. צוריק אין לאָדזש און שפּילט אייניקע יאָר אַלס קאָמיקער אין גרויסן טעאַטער (דיר. יצחק זאַנדבערג). דערנאָך מאַכט ה. אַ טורנע אי-בער אייראָפּע און זייט דער מלחמה פירט ער אייגענע טרופּעס איבער דער פּוילישער פּראָווינץ.

ש. ע.

וואַגנער, בן-ציון

[געב. 1889 — געשט. 23 פעברואַר 1930]

געבוירן 1889 אין זשיראַרדאָוו, וואַרש. קרייז, פּוילן. פאָטער — אַ מעכאַניק פון ניי-מאַשינען. געלערנט אין חדר און למודי-חוץ ביים שטאַטישן „פּריוואַט-לערער". אין על-טער פון 13 יאָר אָנגעקומען צום רבי ר' יאַנ-קעלע (שפּעטער רבי אין זגערזש) און ביי אים געלערנט גמרא און אביסל קבלה.

1907 — אַריינגעטראָטן אין דער ס"ס-פּאַר-טיי און אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ אַלס אַגיטאַטאָר. 1908 — געזען שפּילן יידיש

טעאַטער און תיכּף באַקומען דערצו אַ שטאַרקע תשוקה. 1909 — אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע פון נאָזשיק און לאַטאָוויטש. 1911 — אָרגאַניזירט אין וויטן-מזרח (װלאַדיװאָסטאָק) יידישע פאָרשטעלונגען מיט „ליבהאָבער", 1915 — געשפּילט יידיש טעאַטער אין סיביר, אוראַל א. ד. ג. 1917 — באַשטימט געוואָרן דורכן קיעווער אַרטיסטן-צוזאַמענפאָר אין דער „ערשטע קאָאָפּעראַטיווע דראַמע" אין יעקאַטערינאָסלאַוו (זאַסלאַווסקי, ליבערט, זשעלאַזאָ), 1919 — געשפּילט אין אָדעס מיט סעגאַלעסקאָ און שפּעטער אין ערשטן יידישן מלוכה-טעאַטער (רעזשי בערטאַנאָוו), וואו ער איז אויך געווען סעקרעטאַר. 1922 — געקומען אין פּוילן, אַריינגעטראָטן אין יידישן אַרטיסטן-פאַריין און אָפּגעפאָרן שפּילן אין פּאַריז. 1924 — געשפּילט מיט קלאַראַ יאָנג אין בעלגיע, וואו ער שפּילט ביז 1930.

1909 האָט וו. דעביוטירט מיט אַ ליד אין דער וואַרשעווער „טעאַטער-וועלט", 1919 — געשריבן „טאָג-לידער" אין „די שטימע" (רעד. שכנא עפּשטיין), 1922 — מיטגעאַרבעט אין די פּאַריזער פּעריאָדישע אויסגאַבן „דאָס אידישע לעבען" און „פּאַריזער בלעטער", 1925 — רעדאַקטירט אין בעלגיע דאָס וואָכנבלאַט „דאָס יידישע וואָרט" (דערשינען 6 נומערן) און שפּעטער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער אַנטווערפּענער „די יידישע צייטונג", וואו ער שרייבט פעליעטאָנען און טעאַטער-קריטיק א"פּ בעניע פלאַפּלער.

וו. האָט געשריבן פאָלגנדיקע פּיעסן: „די פרוי אין קייטן" (אויפגעפ. 1919 אין אָדעס, אין יעווּרעיסקי טעאַטער), „שלמה המלך דער צווייטער" (אויפגעפ. 1915 דורך יעקב זילבערט אין ברייסעל-אַנטווערפּען), „דער ווילנער גאון" (אויפגעפ. דורך וואָלף זילבערבערג אין 1927 אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן-טעאַטער) און די נאָך נישט אויפגעפירטע פּיעסע „ערעטאָמאַניע".

וו. האָט איבערזעצט פאָלגנדיקע פּיעסן: „ווען דער טייוול לאַכט" פון סאָפּיאַ ביעלאַ (אויפגעפ. דורך זיגמונד טורקאָוו אין 1922 אין וואַרשע), „דער גלח ראַספּוטין" (אויפגעפ. 1922 אין פּאַריז ביי בלומענטאַל), „וויערא מירצאָוואַ" פון אורוואַנצאָוו (אויפגעפירט אין 1923 אין פּאַריז ביי בלומענטאַל) און די ניט אויפגעפירטע „קרבנות פון זינד" און „דאָס פאַוואָריטן-מיידל", ביידע פון פלעמיש.

וו. האָט אויך דראַמאַטיזירט „די 7 געהאַנגענע" לויט אַנדרעיעוו (אויפגעפ. 1923 אין פּאַריז דורך אַקסעלראַד) און „קדוש השם" לויט שלום אַש (אויפגעפ. אין 1929 אין אַנטווערפּען ביי בלומענטאַל).

דעם 23 פעברואַר 1930 איז וו. געשטאָרבן אין ברייסעל.

ש. ע.

י. ל. — בן ציון וואַגנער ז"ל, „יידישע צייטונג", אַנטווערפּען, 28 פעברואַר 1930.

וואָהל, הערמאַן

[צבי]

געבוירן 8 סעפּטעמבער 1877 אין אָטיניע, ביי סטאַניסלאַוואָוו, מזרח-גאַליציע. פאָטער — אַ פרומער קרעמער. געלערנט אין אַ שול און ביי אַ מלמד. צו 9 יאָר אַוועק אַלס משורר מיטן סניאַטינער חזן ליבערמאַן, דערנאָך אָנגעקומען צום חזן שבתי ווייס אין סטאַניסלאַוואָוו, וואו ער האָט געלערנט מוזיק און באַלד אָנגעהויבן קאָמפּאָנירן. שפּעטער געזונגען ביים חזן ווילדער אין סטאַניסלאַוואָוו און זענדיק, אַז מיט זיין שטים קאָן ער ניט פיל אויפטאָן, איז וו. דאָרט צו 16 יאָר געוואָרן כאָר-דיריגענט. אָבער באַלד נאָכדעם איז ער אַריינגעטראָטן אין יאָוועלירס טרופּע אין גאַליציע, וואו ער האָט געשפּילט אַלס אַקטיאָר, געזונגען אין כאָר און גלייכצייטיק געשריבן מוזיק צו די לידער פון רעפּערטואַר.

דעם 12 מאַי 1896 איז וו. געבראַכט געוואָרן דורכן חזן ווילדער קיין אַמעריקע אַלס דיריגענט אין זיין שול אויף אַטאָרני סטריט אין ניו-יאָרק און שפּעטער אין באָסטאָן.

זייענדיק טעטיק אַלס דיריגענט אין שולן (ביים חזן אַלטער באַומאַן און דערנאָך ביי אהרן סיגעל אין דער רומענישער שול אין ניו-יאָרק), איז וו. אין 1900 געוואָרן צוערשט געהילף-דיריגענט צו יידעלע בעלזער אין הורוויץ-חיימאָוויטשעס טרופּע אין ווינדזאָר טעאַטער, דערנאָך דער קאָמפּאָזיטאָר פון דער טרופּע און געשריבן די מוזיק צו זייפערטס „חובבי ציון" און הורוויצס „הדסה".

מיטן אָנקומען פון מוזיקער אפרים פערלמוטער, ווערט וו. זיינער אַ מיטאַרבעטער, און אין משך פון 16 יאָר שרייבן זיי צוזאַמען מוזיק צו די אָפּערעטן „בן הדור", „צוויי תנאים", „מוזינקע", „בני ישראל", „יציאת מצרים", „יעקב און עשו", צו אַ צענדליק אַנדערע אָפּערעטן פון מ. הורוויץ, צו אַנשעל שאָרס „די אַלמנה" און „אַ מענטש זאָל מען זיין" און צו טאָמאַשעווסקיס „דאָס פּינטעלע ייד", „די נשמה פון מיין פאָלק", „די יידישע קרוין" און „די פּוילישע חתונה".

אַנגאַזשירט צו עדעלשטיין אין פּיפּלס-טעאַטער, קאָמפּאָנירט שוין וו. אַליין די מוזיק צו מיכל גאָלדבערגס מוזיקאַלישער קאָמעדיע „געלעבט און געלאַכט", צו אַדאָם מעסקאָס אָפּערעטע „די נאַכט פון ליבע" און דערנאָך (אין טאָמאַשעווסקיס טעאַטער) צו טאָמאַשעווסקיס „דאָס הייליקע ליד", צו גרשם באַדערס „די גאָלדענע רויזע" און צו זאָלאָטאַרעווסקיס „קינדער קומט אַהיים".

איצט טרעט וו. אַריין צו וויינטרויבן אין ליבערטי און שרייבט די מוזיק צו ליליענס פּיעסע „גערעכטיגקייט" און צו הערשל קויפּמאַנס „דער יידישער שטערן", און שפּעטער (ווידער ביי טאָמאַשעווסקין) צו יצחק לעשס „יאָשקע כוואַט", צו ישראל ראָזענבערגס „יאַנקעל ליטוואַק", צו בוימוואָלס „מאַסקענבאַל", [לעשס באַאַרבעטונג פון „מאַדאַם פריילין"], צו טאָמאַשעווסקיס „לעבעדיק און פריילעך" און „טויזנט און איין נאַכט" און צו דער פּיעסע „אַראָנטשיק און סאָלאָמאָנטשיק" פון ה. קאַלמאַנאָוויטש.

שפּעטער איז וו. 3 סעזאָנען דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר אין געבילס טעאַטער.

1927 — האָט וו., אין פּאָבליק-טעאַטער, געשריבן די מוזיק צו לואי פריימאַנס „דעם זיידענס געליבטע", צו סיגעלס „דעם רביןס זונדל", צו הערי קאַלמאַנאָוויטשעס „אַמאָל איז געווען אַ פּרינץ", צו סיגעלס „די גאַליציאַנער חתונה" און „די סדר נאַכט" און צו ישראל ראָזענבערגס „די גאַליציאַנער רביצין".

זייענדיק פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער, איז וו. אַ געוויסע צייט אויך ווייטער געווען דיריגענט אין דער אוהב צדק שול ביי יאָסעלע ראָזענבלאַט און אין דער ספרדישער שול אין באָראָ פּאַרק ביים חזן מאָרגענשטערן.

פיל פון וו.'ס קאָמפּאָזיציעס זיינען געדרוקט און זיינען אויך אַריינגעזונגען פאַרן גראַמאָפאָן.

מ. ע.

הערמאַן וואָהל „די געשיכטע פון חזנות", נ. י. 1924, זז. 1-130.

א. פרומקין — וועגן מוזיק און סוזשעטן פאַר אָפּערעטעס אַמאָל און היינט, „מאָ"זש", נ. י., 9 מערץ 1928.

וואָהלמאַן, יהודה-לייב

געבוירן 29 נאָוועמבער 1880 אין קאָנסקאָ-וואָליע, לובלינער גוב., פּוילן, אַלס זון פון העברעאישן שריפטשטעלער מענדל וואָהלמאַן. ביזן עלטער פון 20 יאָר געלערנט לימודי-קודש און גלייכצייטיק אויך די לאַנד-שפּראַכן און אַריטמעטיק, שפּעטער געוואָרן אַן אויטאָדידאַקט און זיך באַקענט מיט דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. פון פאַך אַ מאַנופאַקטוריסט, האָט וו. געאַרבעט צוערשט אַלס בוכהאַלטער ביי סאַווא מאָראָזאָוו אין וואַרשע און דערנאָך געוואָרן פאַרוואַלטער ביי דער זעלבער פירמע.

וו. האָט דעביוטירט מיט פעליעטאָנען א״פ יהלום אין „הצופה“ און דערנאָך פאַרעפנטלעכט דערציילונגען אין „הצפירה“ — אויף יידיש דעביוטירט אין פּעטערבורגער „טאָג“ און דערנאָך געדרוקט דערציילונגען און טעאַטער-קריטיק אין דער פּעריאָדישער יידישער און העברעאישער פּרעסע אין וואַרשע. זייט 1925 זיך באַזעצט אין ארץ ישראל אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „מאָמענט“ אין וואַרשע און אַנדערע צייטונגען אין לאָנדאָן און ניו-יאָרק.

וו. האָט פאַרפאַסט „דיא לעצטע חשמונאים“ אָדער „קעניג הורדוס“ (היסטאָרישע דראַמאַ אין 4 אַקטען, וואַרשאַ 1907, 48 ז. 16°), וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין 1907 אין וואַרשע דורך ל. ראַפּעל, „דאָס ברענענדע הויז“ (לעבענסבילד אין 4 אַקטען, פאַרלאַג ז. רעזניק, וואַרשאַ 1909, 50 ז. 16°), אויפגעפירט דורך מעראַסאָן אין 1908 אין לאָדזשער גרויסעם טעאַטער, „דער שטרויענער אלמן“, (אָפּערעטע אין 3 אַקטן פון י. ל. וואָהלמאַן (אלמוני), וואַרשע תרע״ט, 98 ז. 16°), אויפגעפירט אין וואַרשעווער עליזעאום-טעאַטער (מיט מיכאַלעסקאָ, כאַראַז און סט. קלער אין די הויפּט-ראָלן. די אָפּערעטע איז געשפּילט געוואָרן אָן הפסקה אַ סעזאָן) און „אליהו“ (מיסטעריע אין זעקס סצענעס, פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע 1922, 99 ז. 16°).

ש. ע.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 891-92.

וואָהלמאַן, ישראל-מאיר

[געב. 1821[?] — געשט. . . . 1912]

געבוירן 1821 — לויט „דור רבניו וסופריו“ — 27 יוני 1828. לויט אַ נעקראָלאָג אין „היינט“ — 1817. לויט ז. רייזען: 1829/30— אין מינסק, ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַ למדן, וואָס האָט אויס ליבע צו פּראָסטער אַרבעט געוואָרפן דאָס מלמדות און געוואָרן אַ וואַסערטרעגער. פון קינדווייז אָן אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיג-קייטן. ביז 6 יאָר געלערנט אין חדר, ביז 12 יאָר — מיטן פאָטער תנ״ך און גמרא, צו 17 יאָר אַריין אין דער ישיבה פון „אַלטן בית-המדרש“, דערנאָך 3 יאָר געלערנט ביי ר׳ לייב דיבוסין, אָנגעהויבן האַלטן דרשות אין בתי-מדרשים און ניט אויפהערנדיק צו לערנען תלמוד און פּוסקים, זיך גענומען צו השכלה.

אַ פּיאָנער פון דער השכלה-באַוועגונג אין מינסק, איז וו. אין דער יוגנט אויסגעשטאַנען אַ סך רדיפות פאַר זיין „אפּיקורסות“, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן, בפרט ביים לערנען תנ״ך מיט זיינע תלמידים.

וו. האָט געשריבן פיל מאמרים אין די העברעאישע צייטשריפטן „המגיד“, „העברי“, „הקול“, „המליץ“, „הצפירה“ און אין 1865 אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל „הכוכבים“. אָבער אַזוי ווי ער איז געווען איינער פון די געציילטע משכילים, וועלכער איז געשטאַנען זייער נאָענט צום פאָלק, געלעבט שטענדיק צווישן די אָרעמע מאַסן און אויסגעצייכנט געקענט זייער לעבן, האָט ער אויך געשריבן אין יידיש פיל לידער און מעשה-ביכלעך, וועלכע זיינען דערשינען אין ווילנע.

אַ ניט אויפגעקלערטע דיסקוסיע גייט אָן, אויב וו. אָדער לודוויג לעווינזאָן איז דער מחבר פון דער קאָמעדיע „די ווייבערישע קניפּ-לעך“.

זלמן רייזען שרייבט: „די ווייבערישע קניפּלעך“ האָבן, ווייזט אויס, בשעתו געמאַכט אַ רושם אויף די לעזער, ווייל די קאָמעדיע איז עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן, וואָס ס׳איז זייער פיל פאַר אַ נישט געשפּילטער טעאַטער-שטיק. . . . די ערשטע ווילנער אויסגאַבע איז אַרויס, ווייזט אויס, 1873, און שוין אין 1874 האָבן מיר אַ נייע אויפלאַגע [„די ווייבערשע קניפּלעך, איין טעאַטער שפּיעל, אין 5 אַקטען געשריעבען, הערויס גיגעבין פון מיו״ם — ווילנא, תרמ״א]. מיו״ם איז דער פּסעוודאָנים פון י. מ. וואָהלמאַן. אין רוסיש איז אָנגעגעבן

Ди вайберише книплахъ. Женскія узелки.
Соч. И. М. Вольмана. Съ Виленскаго изданія 1874 года.

געדרוקט ביי ראָזענקראַנץ-שריפטזעצער, און די אויפלאַגע פון דער דאָזיקער אויסגאַבע — ווייסען מיר פון אָפיציעלע קוועלן — איז געווען 5000. צי די ווילנער (די אָריגינעלע) אויסגאַבע איז אויך שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרן, ווייס איך ניט, אָבער מסתמא יאָ. דער וואַרשעווער איבערדרוק [דער חרם דרבינו גרשון אָדער דיא ווייבערישע קניפּלך. איין טהעאַטער אין פינף אַקטען, אין גריימען געשריבען. דיא מעשה האָט זיך גיטראָפען אין אַ קליין שטעטיל אין קליין פּוילען, וואַרשע, בדפוס של ר״ יוסף לעבענזאָהן“] איז אודאי איבערגעדרוקט געוואָרן אויך שפּעטער (אויף אונזער עקזעמפּליאַר פון דער וואַרשעווער אויסגאַבע איז ניטאָ דאָס יאָר פון דרוק, די צענזור-דערלויבניש איז פון 11 אַפּריל 1882). צי האָט וואָהלמאַן געוואוסט פון דעם איבערדרוק און צי האָט ער עפּעס געטאָן קעגן דעם פּלאַגיאַט — דאָס איז אונז ניט באַקאַנט“.

זלמן רייזען, וועלכער פאַרעפנטלעכט וואַריאַנטן פון די ווילנער און וואַרשעווער אויסגאַבעס, האַלט, אַז וו. איז דער מחבר פון „די ווייבערישע קניפּלעך“, בעת לעווינזאָן איז עווענטועל בלויז דער רעדאַקטאָר פון פּוילישן וואַריאַנט, און ער באַגרינדעט זיין באַהויפּטונג דערמיט:

1) עס איז ניטאָ קיין איין אויסגאַבע פון „די ווייבערישע קניפּלעך“, וואו לעווינזאָן זאָל פיגורירן אַלס מחבר; פאַרקערט, עס זיינען פאַראַן אייניקע אויסגאַבן, וואו עס איז בפירוש אָנגעגעבן דער מחבר — און דווקא י. מ. וואָלמאַן.

2) לויט די ידיעות פון ש. שווערדשאַרף אין „היינט“, וואו עס ווערן דערציילט אַזעלכע פּרטים פון לעווינזאָנען, האָט לעווינזאָן געשריבן „די ווייבערשע קניפּלעך“ אַרום 1880. מיר האָבן אָבער שוין פאַר דעם לכל-הפּחות צוויי אויסגאַבעס פון דער קאָמעדיע.

3) עס איז קלאָר פון פאַרגלייך פוןביידע וואַריאַנטן, אַז דער אָריגינאַל-טעקסט איז דער ליטווישער.

4) און על-כולם איז ישראל-מאיר וואָלמאַן פאָרט געווען אַ יידישער שריפטשטעלער, אַ פאַרפאַסער פון אַ גאַנצער ריי ווערק אין יידיש, ווען פון לעווינזאָנען האָבן מיר געדרוקט בלויז אַן אומבאַדייטנדיק מליצה-ביכל אין העברעאיש, וואָס אויף יידיש האָט עס געדאַרפט איבערזעצן אַן אַנדערער [טאַקע וואָלמאַן].

5) פון וואָלמאַנען אַלס מחבר פון „די ווייבערישע קניפּלעך“ ריידן אַזעלכע אויטאָריטעטן ווי ש. ל. ציטראָן און א. ליטווין, וועל-

כע האָבןביידע אים פּערזענלעך געקענט און געדענקען אַליין דעם רושם פון זיין קאָמעדיע; בשעת ווען פון לעווינזאָנען ווייסט מען אין זיין געבורטשטאָט (אַ ראיה — שמואל אשכנזי) אַבסאָלוט גאָרניט, בפרט, אַז ער זאָל זיין דער מחבר פון „די קניפּלעך".״

פאַרגלייכנדיק די צוויי וואַריאַנטן, באַמערקט ז. רייזען: „די וואָלמאַן [ווילנער-] אויסגאַבע איז בכלל קאָרעקטער געדרוקט, די אָרטאָגראַפיע איז נענטער צו דער מאָדערנער ליטעראַרישער, בשעת ווען די לעווינזאָן [וואַרשעווער]-אויסגאַבע איז דאָס רוב געהאַלטן אין דער דיאַלעקטיש-פּוילישער אָרטאָגראַפיע. . . . דער אונטערשייד צווישן ביידע טעקסטן [איז] נאָר אין סטיליסטישע ענדערונגען, צוגעפּאַסט צו דעם נוסח פון פּוילישן יידיש. מ'מוז אָבער מודה זיין, אַז כמעט אין אַלע פאַלן האָבן דידאָזיקע ענדערונגען פאַרבעסערט און געמאַכט לעבעדיקער וואָלמאַנס גראַמען. בלויז אין די סוף-סצענעס פון דער קאָמעדיע זיינען אין דעם לעווינזאָן-טעקסט פאַראַן אויך שנויים אין תוך . . .״

דעם קעגנטייל שרייבט ב. גאָרין: „דער נאָמען פון דעם שרייבער איז אָנגעגעבן י. מ. וואָלמאַן, נאָר ווי עס ווייזט זיך אַרויס [?] איז דער פּערפאַסער פון דער [דעם] דאָזיקן שטיק לודוויג לעווינזאָן, וועלכער האָט איר געגעבן וואָלמאַנען, אַז ער זאָל איר געבן צום דרוק, און יענער האָט שוין פאַר איין גאַנג אַרויפגעשטעלט אויף איר זיין אייגענעם נאָמען״.

ענלעך באַמערקט — לויט דר. יעקב שאַצקי — לעאָ ווינער אין זיין „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין XIXטן יאָרהונדערט" [ז. 107]: „זיין נאָמען [לעווינזאָנס] פיגורירט ניט אויף קיין שום אויסגאַבע פון זיין קאָמעדיע. אין אָנפאַנג פון די 70-ער יאָרן האָט ער איבערגעגעבן זיין ווערק וואָלמאַנען צום פּובליקירן. דער לעצטער האָט געהיים פאַרעפנטלעכט דאָס ווערק מיט זיינע ראשי תיבות״.

לויט דר. יעקב שאַצקי איז אויך פאַראַן אַ וואַרשעווער אַנאָנימע אויסגאַבע פון 1877 (פאַרלאַג מונק, 48 ז. קליין 8°).

א. ליטווין שרייבט אין זיין בוך „יידישע נשמות": „זיינע [וו.'ס] „ווייבערשע קניפּלעך" זיינען געווען דאָס ליבלינגביכל פון אַלע פּשוטע ווייבלעך און מיידלעך״.

בנוגע דעם סוזשעט פון „די ווייבערישע קניפּלעך" איז — לויט ז. רייזען — כאַראַקטעריסטיש אַ שטריך פון וו.'ס ביאָגראַפיע, וועגן וועלכן עס גיט איבער ש. ל. ציטראָן: אַז ער, וואָלמאַן, זאָל האָבן געהאַט אין משך פון זיין לאַנגן לעבן 6 ווייבער.

ב. גאָרין שרייבט וועגן דער קאָמעדיע: „די ווייבערישע קניפּלאַך" איז אַ קאָמעדיע, וואָס רופט אַרויס אַ געזונטן געלעכטער. דער סוזשעט צייכנט זיך אויס מיט אַ זעלטענער פּשטות און די האַנדלונג אַנטוויקלט זיך פון זיך אַליין. אַלץ וואָס דאָ קומט פאָר איז אַזוי נאַטירלעך, לעבעדיק, אָן אַ שום אָנשטרענגונג, אָן נסים. די פאַנטאַזיע פאַרשלעפּט ניט דעם שרייבער אָן אַ זייט, הגם דער גאַנצער יסוד פון דער קאָמעדיע איז אַ שיינער פייערווערק. . . . מיט איר איינפאַכקייט, מיט איר נאַטירלעכן דיאַלאָג, מיט איר נאָענטקייט צום לעבן, איז די קאָמעדיע „ווייבערישע קניפּלאַך" איינע פון די בעסטע פון דעם יידישן רעפּערטואַר״.

אויף דער עלטער האָט וו. געמוזט זיך דורכשלאָגן מיט לעקציעס און ווען ער האָט מער קיין כח ניט געהאַט צו לערעריי, האָט ער, אַ קראַנקער, 80-יאָריקער זקן, זיך געוואַלגערט אויף אַ בוידעם-שטיבל אין גרעסטער נויט, ביז מ'האָט אים אַריינגעגעבן אין מושב-זקנים, וואו ער איז, פאַרגעסן פון אַלעמען, געשטאָרבן סוף 1912 [לויט רייזענס „לעקסיקאָן" — פעברואַר 1913].

אין 1927 האָט דוד הערמאַן מיט דעם סטאַניסלאַווער „גאָלדפאַדען-פאַריין" אויפגעפירט די קאָמעדיע „ווייבערישע קניפּלעך" אַלס לודוויק לעווענסאָנס און דעם 14 אויגוסט 1928 האָט ער די קאָמעדיע אויפגעפירט ביי דער „ווילנער טרופּע" אין וואַרשע.

די קאָמעדיע האָט זיך געהאַלטן אויף דער בינע אַ זייער קורצע צייט.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 96-892.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." I, זז. 7-125, II, ז. 269.

ש. שווערדשאַרף — ווער איז דער מחבר פון „די ווייבערישע קניפּלעך", „היינט", וואַרשע, 10 אויגוסט 1928.

זלמן רייזען — „די ווייבערישע קניפּלעך" און זייער מחבר, „די יידישע וועלט", וואַרשע, VI, 1928.

ב. קאַרליניוס — טעאַטער, „מאָמענט", וואַרשע, 17 אויגוסט, 1928.

י. מ. ניימאַן — „ווייבערישע קניפּלעך", „היינט", 17 אויגוסט, 1928.

נ. מייזיל — „די ווייבערישע קניפּלעך" ביי „די ווילנער", „ליט"בלט" 34, 1928.

ש. שווערדשאַרף — ווער איז פאָרט דער מחבר פון „ווייבערישע קניפּלעך"? „ליט"בלט" 29, 1929.

זלמן זילבערצווייג — וועגן מחבר פון „די ווייבערישע קניפּלעך" „ליט"בלט" 11, 1930.

דר. יעקב שאַצקי — רעצענזיעס, „אַרכיוו", זז. 9-477.

וואָלמאַן, שמואל

געבוירן מערץ 1896 אין קאַלושין, וואַרש. קרייז, פּוילן, אין אַ חסידישער פאַמיליע. געלערנט אין חדר און בית-המדרש, דערנאָך זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג. זייט 1919 געטאָן פאַרשיידענע ליטעראַרישע אַרבעטן. וו. האָט דראַמאַטיזירט וויקטאָר הוגאָס ראָמאַן „דער טיראַן פון פּאַדואַ" (פ"ג „פעניקס", וואַרשע, 1921).

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, ז. 896.

וואָולף, סיימאָן

[שמחה]

געב. 12 סעפּט. 1890 אין באָריסלאַוו, מערב-גאַליציע, ביי פרומע עלטערן. געבליבן יונג אַ יתום, באַמיט זיך זיין מוטער צו לאָזן אים לערנען יידיש, פּויליש און דייטש. נאָך עטלעכע יאָר פאָרט זי אַוועק קיין אַמעריקע און ער מיט נאָך אייניקע קינדער בלייבן אין גאַליציע ביי קרובים.

נאָך אַלס קינד האָט וו. די געלעגנהייט אויפצוטרעטן מיטן לידל „קויפט, יידעלעך, קויפט" אין גאָלדפאַדענס „כשוף-מאַכערין" ביי אַקסעלראַד, וועלכער גאַסטראָלירט מיט זיין טרופּע אין סטרי. שפּעטער טרעט אַריין וו. אַלס משורר צום חזן ברוך קינסטלער אין לעמבערג און באַזוכט אויך דאָ אָפט גימפּעלס טעאַטער.

ווען ער ווערט דורך זיין מוטער געבראַכט קיין אַמעריקע, טרעט ער אַריין אַלס משורר צו פאַרשיידענע חזנים און באַזוכט אָפט דאָס יידישע טעאַטער. שפּעטער הויבט ער אָן אַרבעטן אין פאַרשיידענע שאַפּס און סטאָרס, אָבער קאָן זיך ניט באַפרייען פון זיין נייגונג צום טעאַטער. ער פאַרלאָזט זיין פאַמיליע און פאָרט קיין באַלטימאָר שפּילן אין אַ דאָרטיקער טרופּע.

בעת אין ניו-יאָרק אַנטשטייט דער טיפּ וואָדעוויל-טעאַטערס צוזאַמען מיט קינאָ, קומט וו. צוריק אין ניו-יאָרק און טרעט אַריין

אין אַזאַ וואָדעוויל-טעאַטער, וואו ער הויבט אויך אָן שרייבן און אויפפירן צוויי- און דריי-אַקטיקע סקעטשעס.

שפּעטער הויבט ער אָן שפּילן לעגיטים טעאַטער און שרייבן פּיעסן. זיין ערשטע אויפגעפירטע פּיעסע איז די מעלאָדראַמע „צייט“, מוזיק פון שלום סעקונדאַ (געשפּילט 1913 אין ליריק-טעאַטער), דערנאָך ווערן אין נאָוועלטי-טעאַטער, ברוקלין, אויפגעפירט זיין קאָמעדיע-דראַמע „לעבנס-קאָנטראַקטן“ און די קריגס-פּיעסע „מלחמה“.

אין 1917 ווערט אין לענאָקס-טעאַטער אויפגעפירט זיין מעלאָדראַמע „הערצער און טרערן“. 1918 ווערט אויפגעפירט דורך מאַקס ראָזענטאַל אין פּיפּעלס טעאַטער זיין פּיעסע „די צעשטערטע חופּה“, געשריבן צוזאַמען מיט נ. ראַקאָוו (סוזשעט גענומען פון מאָפּאַסאַנס „פּיער און זשאַן“), און אין ליבערטי-טעאַטער — דאָס לעבנסבילד „גאָטס וועלט“. אין 1920 — אין לענאָקס-טעאַטער, די צייט-פּיעסע „אַ גרוס פון פּוילן“.

אין 1924-5 — „דער איינציקער וועג“ צוזאַמען מיט ל. פריימאַן (סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער) און „הערצער צו פאַרקויפן“ (האָפּקינסאָן-טעאַטער), אין 1926 — „די צובראָכענע היים“ (אויפגעפירט דורך לעאָן בלאַנק) אין ליבערטי-טעאַטער.

אין משך פון 1927-9 זיינען אויפגעפירט געוואָרן זיינע פאָלגנדיקע פּיעסן: „גיט מיר אַ היים“ (דורך בעטי פרענק), „ערלעכע מיידלעך“ (האָפּקינסאָן-טעאַטער), „פאָלגט טאַטע מאַמע“ (האָפּקינסאָן-טעאַטער), „די פאַרשפּילטע וועלט“ צוזאַמען מיט ל. פריימאַן (ראָלאַנד-טעאַטער), „אַלטע מיידן“ (דורך איזידאָר האָלענדער).

אין סעזאָן 1929-30 זיינען אויפגעפירט געוואָרן וו.'ס פאָלגענדיקע פּיעסען: „גאָלדענע גליקן“ (דורך יעקב רעכצייט אין האָפּקינסאָן טעאַטער), „אַ מתנה פאַר דער כלה“ (דורך סעם אויערבאַך אין ליריק טעאַטער) און אַ „יידישע מאַמע“ (דורך מעי סיימאָן אין פּראָספּעקט טעאַטער).

1929-30 שפּילט וו. אין געבילס טרופּע.

וו. איז אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיוו פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע.

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, רשימה פון פּיעסן. II, ז. 280.

וויליאַם עדלין — אַ בליק אין דער ניו־יאָרקער אידיש. טעאַטער־וועלט, „טאָג“, 11 אָקט. 1929.

ל. פאָגעלמאַן — די נייע פּיעסע אין האָפּקינסאָן טעאַטער, „פאָרוו.“, 11 אָקט. 1929.

וואַכטעל, יוסף

געבוירן אין אָדעס, אוקראַאינע. האָט אָנגעהויבן זיין בינע-קאַריערע אין שמ'רס טרופּע אין דרום-רוסלאַנד און נאָכן פאַרווער אויף יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד געפאָרן אין 1883 קיין לאָנדאָן, וואו ער שפּילט אַ קורצע צייט און פאָרט פון דאָרט מיט זילבערמאַנס טרופּע (זילבערמאַן און פרוי, חיימאָוויטש און פרוי, קאַרפּ, באַראָדקין און פרוי און לאַטיינער) קיין אַמעריקע, וואו ער שפּילט אַ געוויסע צייט קאָמיקער-ראָלן.

מ. ע. פון מישע נאַכאַמקוס, באָרים טאָמאַשעווסקי און מר. סאַראַסאָן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ I, זז. 234, 242, II, ז. 30.

דייוויד קעסלער — מיר שפּילען אין נעשאָנעל טעאַטער, „דער טאָג“, נ. י., 11 מערץ 1917.

וואָלגעשאַפּען, מ.

לויט רעגינע פּראַגער: „וואָלפגעשאַפּען. וו. איז געווען אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, האָט [בערך 1885] באַקומען אין גאַליציע אַ קאָנצעסיע אויף יידיש טעאַטער. ער האָט צונויפגעשטעלט אַ טרופּע (חיים-שמואל לוקאַטשער, מייעראָוויטש און פרוי, ליזע איינהאָרן, סעם אַדלער א. א.) און איז מיט איר אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך פון גאַליציע. שפּעטער האָט ער געמאַכט שותפות מיט אַקסעלראַד און אויף אַזאַ אופן האָט די טרופּע אַריינגענומען אין איר געביט אויך בוקאָווינע און רומעניע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II, ז. 142.

מ. אָשעראָוויטש — רעגינע פּראַגער, די באַרימטע זינגערין פון דער אידישער ביהנע, דערצעהלט וועגען איהר טעאַטער־לעבען, „פאָרוו.“, 25 סעפּטעמבער 1926.

שלום פּערלמוטער — דער סוף פון לעמבערגער אידישען טעאַטער פון וואַנען אַמעריקע האָט אימפּאָרטירט איהרע באַוואוסטע אַרטיסטען, „דער טאָג“, נ. י., 7 פעבר. 1930.

וואַלדבערג, יצחק

געבוירן 20 יולי 1889 אין לעמבערג, גאַליציע. פאָטער — אַ קליידער-הענדלער און אַ פירער פון אַ שניידער-ווערקשטעל. געלערנט אין חדר און אין אַ שול. געזונגען אין טעמפּל און אין די קינדער-כאָרן פון יידישן טעאַטער. אונטערגעוואַקסן, הויבט אָן וו. שפּילן קאָמישע ראָלן מיט „ליבהאָבער“, אָבער די עלטערן זיינען אומצופרידן דערפון און גיבן אים אַריין אין אַ הוט-געשעפט, נאָר וו. שפּילט ווייטער מיט די „ליבהאָבער“ און אין 1911 אַנטלויפט ער קיין קאַלאָמעאַ אין נאָרבערט גלימערס טרופּע, וואו ער דעביוטירט אַלס „מאָטעלע“ אין „גאָט, מענטש און טייוול“. נאָכן שפּילן אַ יאָר אין דער טרופּע גייט וו. איבער אין אַ חברים-טרופּע, דערנאָך אין כאָר ביי האַרט אין סטאַניסלאַוואָוו, שפּילנדיק גלייכצייטיק ראָלן. 1913 איז וו. מיט דער חברים-טרופּע א"פ פון פּאַלעפּאַדע. אין מלחמה-צייט צוזאַמענגעשטעלט מיט „ליבהאָבער“ אַ טרופּע אין קראָקע און שפּעטער אַלס קריגס-געפאַנגענער געשפּילט יידיש טעאַטער אין די געפאַנגען-לאַגערס.

1915-20 — געשפּילט ביי פּאָדזאַמטשע אין ווין, שפּעטער אַ קורצע צייט אין רומעניע, 1922-23 — איבער קאַפע-הייזער, ביז ער טרעט צוריק אַריין אין 1924 אין ווינער יידישן טעאַטער.

מ. ע.

א. אייזנשלאָס — יידיש טעאַטער אין די עסטרייכישע באַראַקן־לאַגערס („טעאַטער־זכרונות“, רעד. ז. זילבערצווייג, ווילנע 1928, זז. 26-11).

וואָלהענדלער־קרויזע, איטע

געב. 16 אַפּריל 1898 אין טשענסטאָכאָוו, פּוילן, אין אַ חסידישער פאַמיליע. פאָטער — לאַנגיאָריקער בעל-תפילה ביים פּילצער רבי. ביז 15 יאָר געלערנט אין אַ טעכטער-שול און אַלס סאָפּראַן געזונגען אין פאַרשיידענע כאָרן. 1919 — געזונגען אין כאָר פון יידישן טעאַטער, דערנאָך באַטייליקט זיך אין טשענסטאָכאָוו אין פאַרשיידענע קאָנצערטן.

1923 — געקומען אין מעץ, פראַנקרייך, און דאָרט אַרויסגעטראָטן אין „קולטור-פאַריין“ אַלס זינגערין און שוישפּילערין, דערנאָך אַנגאַזשירט געוואָרן אין דער פּראָפעסיאָנעלער טרופּע פון וואָלפשטיין און פון דאַנען אַריבער אין דעם דאָרטיקן הבימה-טעאַטער.

ש. ע.

וואַלטער, פאַליאַ

[שריידער]

געבוירן אין ריגע, לעטלאַנד. עלטערן — באַזיצער פון אַ מלבושים-געשעפט, וועלכע טראָגן זיך אַריבער אין ווילנע. דאָרט לערנט וו. אין גימנאַזיע. נאָך אין פּראָ-גימנאַזיע באַטייליקט זיך וו. אין די שול-פאָרשטעלונגען און ציט אויף זיך שטאַרקע אויפמערקזאַמקייט. 1913 — אַריינגעטראָטן א״פ מילינא אין בעליאַיעווס רוסישער טרופּע, דערנאָך געשפּילט ביים דירעקטאָר טערזיאַנסק אין וויטעבסק.

בעתן מלחמה-אויסבראָך צוריקגעקומען אין ווילנע און דאָ דורך אַזראַ אַריינגענומען געוואָרן אין דער „ווילנער טרופּע“, וואו זי לערנט זיך אויס יידיש און ווערט איינע פון די וויכטיקסטע מיטגלידער אין דער טרופּע. נאָכן שפּילן אין ליטע און פּוילן אַריינגעטראָטן אין אַזראַס טייל פון דער „ווילנער טרופּע“ און באַטייליקט זיך אין טורנעע איבער מערב-אייראָפּע. אין 1924 — געקומען אין אַמעריקע און ביז 1928 געשפּילט מיט דער „ווילנער טרופּע“, 1929 — געשפּילט אייניקע חדשים ענגליש אין דער קאָמעדיע „פּאַפּאַ“ און סוף 1929 אַרויסגעפאָרן מיט אַזראַ שפּילן אין בעלגיע.

אמפּלוא — כאַראַקטער-ראָלן.

מ. ע.

וואַליער, דזשעני

געב. אין עלזאַס-לאָטרינגען, אין אַ קריסטלעכער פאַמיליע. געשפּילט אויף דער דייטשער בינע אין דייטשלאַנד און עסטרייך, דערנאָך אין ניו-יאָרק אין דייטשן אירווינג פּליים טעאַטער ביי רודאָלף קריסטיען. נאָכדעם ווי דער דייטשער טעאַטער פאַרמאַכט זיך, נעמט זי שוואַרץ אַריבער אויף דער יידישער בינע.

דער דאַמאָלדיקער פּובליסיטי-מענעדזשער פון קונסט-טעאַטער, נ. גרינבלאַט, און דער אַקטיאָר סאַמואילאָוו לערנען זי ריידן יידיש און דעם 20 אָקטאָבער 1919 טרעט זי אויף אין יידישן קונסט-טעאַטער אין דער טיטל-ראָל פון לענגיעס „די טענצערין“, דערנאָך אין „די רויטע ליליע“ און אין גאָרדינס „סאַפאָ“. 1920 — שפּילט וו. ווייטער אין יידישן קונסט-טעאַטער און טרעט אַרויס אין קאַצענעלזאָנס „פּאַטימאַ“, אין גאָרדינס „מירעלע אפרת“ און „קרייצער סאָנאַטאָ“ און אין בענעוועטאַס „אויגן פון ליבע“. אין די ערשטע חדשים 1921 געשפּילט אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן, דערנאָך אין ליפּצין טעאַטער (אין פּאַולאַ ר.׳ס „איינע פון יענע“, בעלאַסקאָס „די ווייסע בלום“, גאָרקיס „נאַ דניע“ א. א.). דאָ איז אויך דעם 31 יאַנואַר 1922 אויפגעפירט געוואָרן צו וו.׳ס בענעפיס מיט איר אַלס „לולו“ פראַנק וועדעקינדס „ערד-גייסט“ א״נ „די פרוי וואָס באַהערשט די וועלט“. שפּעטער האָט וו. געשפּילט אייניקע סעזאָנען אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער אין מעלאָדראַמאַטישן רעפּערטואַר, מיט אַ באַזונדערן דערפאָלג אין ל. פריימאַנס „שטאַרקער פון ליבע“.

1926-7 — האָט וו. אַ קורצע צייט גאַסטראָלירט מיט דער „ווילנער טרופּע“ אין איר אייגענעם רעפּערטואַר, האָט דערנאָך פאַרלאָזט די יידישע בינע און צוריקגעפאָרן קיין אייראָפּע.

מ. ע. פון מאָריס שוואַרץ, נתן גרינבלאַט און מאַרק שוועיד.

הלל ראָגאָף — אַ נייער שטערן אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרוו.“, 1 נאָוו. 1919.

הלל ראָגאָף — מאדאם וואַליער אין „קרייצער סאָנאַטאָ“, „פאָרוו.“, 9 יאַנ. 1920. —

אוריאל מזיק—דזשעני וואַליער אַלס עטיען אין יעקב גאָרדינ׳ס „קרייצער סאָנאַטאָ“, „דער טאָג“, נ. י. 15 יאַנואַר, 1920.

אב. קאהאן — אַ קריסטלעכע שוישפּילערין אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרוו.“ 16 אַפּריל 1920.

א. ק. [אב. קאהאן] — די טאַלאַנטפולע דזשעני וואַליער שפּילט אַלס „מירעלע אפרת“, „פאָרוו.“, 15 אָקט. 1920.

הלל ראָגאָף — ביי מאַדאַם וואַליער׳ס עהרען-אָוועגד, „פאָרוו.“ 29 אַפּריל, 1921.

אַ בריעף און אַן ענטפער וועגען דזשעני וואַליער, „פאָרוו.“, 20 מאַי. 1921.

הלל ראָגאָף — מאַד. וואַליער אַ קרבן פון אַ מיאוס׳ן סקאַנדאַל, „פאָרוו.“ 13 מאַי, 1921.

א. גלאַנץ — דזשעני וואַליער אין „די פרוי וואָס באַהערשט“, „טאָג“, 3 פעברואַר 1922.

וואַלערשטיין, אסתר

[גאָלדשטיין]

געבוירן 18 אָקטאָבער 1877 אין גראָדנע, פּויליש-ליטע, אין אַ פרומער פאַמיליע. מוטער — באַזיצערין פון אַ פּרוכט-קראָם. געלערנט אין חדר. 1885 — געקומען מיט די עלטערן אין לאָנדאָן, וואו זי ענדיקט אַ פּאָבליק-סקול. 1895 — ווערט וו. אַ מיטגליד אין ארבעטער-קלובן, וואו זי באַטייליקט זיך אין פאָרשטעלונגען. נאָכן באַקענען זיך מיטן אַקטיאָר סאַול וואַלערשטיין, מיט וועלכן זי האָט חתונה, מאַכט זי מיט דעם זעלבן עטאַפּ וואָס איר מאַן, שפּילנדיק פריער אַלס סוברעטין, דערנאָך אַלס דראַמאַטיסטין אין לאָנדאָן, גאַליציע, רומעניע, פראַנקרייך, בעלגיע, אַמעריקע, אַרגענטינע און 9 מאָל אין דרום-אַפריקע, וואו זי איז די ערשטע אויפצוטרעטן אין גאָרדין-רעפּערטואַר און אין די פּיעסן פון דער שפּעטערדיקער יידישער דראַמאַטורגן-פּלעיאַדע.

ש. ע. פון סאַול וואַלערשטיין.

ב. גארין — „געש. איד. טעאַט.“ II, ז. 197.

י. מ. — דער דעביוט פון דער אַרטיסטין אסתר וואַלערשטיין אין אידישען טעאַטער, „די איד. צייט“, ב. א. 25 מאַי 1926.

ה. הערש — יידיש טעאַטער אין דרום-אַפריקע, „דרום-אַפריקע“, 5, 6, 1928.

וואַלערשטיין, בעני

געבוירן 22 אויגוסט 1899 אין לאָנדאָן, ענגלאַנד. עלטערן — די אַקטיאָרן אסתר און סאַול וואַלערשטיין. געענדיקט קאַלעדזש און געלערנט יידיש און העברעאיש ביי אַ רבי.

שוין אַלס קינד פון 2 יאָר זיך באַטייליקט אין דער פּיעסע „קאַפּיטאַן דרייפוס“ אין זיינע עלטערנס און וואַקסמאַנס טרופּע אין יאָהאַניסבורג, וואו ער שפּילט ביז 8 יאָר קינדער-ראָלן. 1907 צוריקגעקומען מיט די עלטערן אין לאָנדאָן און דאָרט געשפּילט 4 יאָר

מיט זיינע עלטערן, אדלער, פיינמאַן און טאָרנבערג. 1914 — געקומען מיט די עלטערן אין אַמעריקע און דאָ אַ קורצע צייט געשפּילט מיט יאָזעף קעסלער. די לעצטע צייט אָרגאַניזירט וו. די יידישע גאַסטשפּיל־פאָרשטעלונגען אין בופאַלאָ און פאַרוואַלטעט מיט זיין פאָטערס קינאָ־טעאַטער.

מ. ע.

וואַלערשטיין, היימי

[געב. 1867 — געשט. 26 יולי 1925]

געבוירן 1867 אין גראָדנע, פּויליש־ליטע, ביי עלטערן — קרעטשמאַרעס. געקומען מיט דער פאַמיליע אין אַמעריקע און דאָ געענדיקט פּאָבליק־סקול.

פון דער פּראָפעסיע אַ שטובן־מאָלער, באַטייליקט זיך וו. אין „גאָלדפאַדען־פאַריין“ און דערנאָך הייבט ער אָן שפּילן אין וואָדעוויל, וואו ער טרעט אויך אַרויס אין דריי־אַקטיקע סקעטשעס, וועלכע ער אַליין רעזשיסירט. שפּעטער גייט וו. איבער צום לעגיטימען טעאַטער און שפּילט די ערשטע צייט ליבהאָבער, דערנאָך פאָטער־ראָלן אין ליריק, האָפּקינסאָן און גרענד־טעאַטער.

דעם 26 יולי 1925 איז וו. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

פון וו.׳ס קינדער איז איין טאָכטער, ראָזאַ, אַ יידישע אַקטריסע. וו.׳ס ברודער איז דער אַקטיאָר סאול וואַלערשטיין.

מ. ע. פון ראָזאַ וואַלערשטיין.

וואַלערשטיין, סאול

געבוירן 3 פעברואַר 1873 אין קאָוונע, ליטע. עלטערן — קרעטשמאַרעס. 1886 — געקומען מיט די עלטערן אין אַמעריקע און אין 1890 געוועזן אַ מיטגליד אין גאָלדפאַדענס דראַמאַטישער שול אין ניו־יאָרק. צוליב אַ סכסוך אין רומעניע־אָפּערע־הויז באַקומט וו. די מעגלעכקייט דאָרט אויפצוטרעטן, דעביוטירנדיק אין די פּיעסן „חיים אין אַמעריקע“ און „די פאַרבלאָנדזשעטע נשמה“. שפּעטער פאָרט ער קיין לאָנדאָן, וואו ער טרעט אויף אין האָלס און באַנייט צוריק די יידישע פאָרשטעלונגען, וועלכע זיינען דאָרט איבערגעריסן געוואָרן נאָך דער פיקטיווער שרפה אין 1887. איצט פאָרט אַרום וו. איבער דער ענגלישער פּראָווינץ, שפּילט אייניקע חדשים אין בעלגיע, שפּעטער 9 חדשים אין ראָיאַל טעאַטער אין לידז (ענגלאַנד), ווידער אין לאָנדאָן, צום ערשטן מאָל, אין סטענדאַרט־טעאַטער און דערנאָך צוזאַמען מיט פיינמאַן אין בוקאַרעסט (רומעניע). פון דאַנען פאָרט וו. קיין דרום־אַפריקע און (צוזאַמען מיט זיין פרוי אסתר, יעקב ראָזענפעלד, קאַצמאַן און פרוי און דאַיען) לייגט דעם יסוד פאַרן דאָרטיקן יידישן טעאַטער.

צוליב דער מלחמה מיט די בורן, מוז וו. פאַרלאָזן אַפריקע און

פאָרט אָפּ קיין לאָנדאָן, וואו ער שפּילט אייניקע וואָכן, דערנאָך אַ קורצע צייט אין ניו־יאָרק ביי טאָמאַשעווסקי, דאַן אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן און אין פילאַדעלפיע. וו. פאָרט ווידער קיין לאָנדאָן, וואו ער שפּילט אַ קורצע צייט מיט מ. ד. וואַקסמאַן, דאַן צוריק קיין דרום־אַפריקע, וואו ער פירט 8 יאָר אַ דירעקציע צוזאַמען מיט וואַקסמאַן און דערנאָך אַליין, ברייענגענדיק אַהין אַקטיאָרן פון לאָנדאָן און גאַליציע. צוליב די אַנטשטאַנענע קינאָס, וועלכע שטערן דער עקזיסטענץ פון יידישן טעאַטער, פאָרט וו. צוריק קיין לאָנדאָן, וואו ער שפּילט א״ד פון פיינמאַן, דערנאָך 9 חדשים אין אַרגענטינע און ווידער צוריק אין לאָנדאָן און פּאַריז. צוליב דער וועלט־מלחמה קומט ער צוריק אין אַמעריקע, וואו ער ווערט דירעקטאָר אין ברוקלינער ליריק־טעאַטער, שפּעטער 5 יאָר דירעקטאָר פון ראָיאַל־טעאַטער, נעמט איבער דעם גלאָב־טעאַטער אין קליוולאַנד און באַזעצט זיך ענדלעך אין בופאַלאָ, וואו ער ציט זיך צוריק פון דער בינע און עפנט אַ קינאָ.

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II, ז. 197.

[—] — אונזער „קייק“, „דיא יודישע פאָהן“, יאָהאַניסבורג, 11 נאָוועמבער, 1909.

דר. י. קריטיקוס — סאל וואַלערשטיין׳ס עהרען אבענד אין גלאָוב טהעאַטער, „ייד“טגבלט“, נ. י. 8 מאַי, 1917.

ה. הערש — יידיש טעאַטער אין דרום־אַפריקע, „דרום אַפריקע“, 5, 6, 1928.

וואַלערשטיין, עלאַ

[געשפּאַם]

געבוירן 24 סעפּטעמבער 1892 אין לעמבערג, גאַליציע. פאָטער — אַ שניידער. געענדיקט 5 קלאַסן אין דער אָרטיקער שול און יידיש געלערנט אין דער היים. אַלס קינד פון 8 יאָר געזונגען אין קינדער־כאָר פון טעמפּל און אָנגעהויבן שפּילן קינדער־ראָלן אין גימפּעלס טעאַטער, וואו זי פאַרבלייבט ביזן עלטער פון 14 יאָר און פאָרט אָפּ קיין אַמעריקע.

דורך דער איניציאַטיוו פון איר שוועסטער, פרידאַ זיבעל, אַריינגעטראָטן אין כאָר פון פּיפּלס מוזיק־האָל אויף בויערי, וואו זי טרעט אויך אַרויס אין קליינע ראָלן, שפּעטער שפּילט זי אין ניו־יאָרקער דריטן סטריט־טעאַטער, צוערשט וואָדעוויל מיט לואיס בירנבוים און קופּערשמידט און דערנאָך לעגיטים טעאַטער. נאָכן שפּילן אייניקע יאָר וואָדעוויל מיט היימי וואַלערשטיין, האָט וו. מיט אים חתונה, פאָרט שפּילן וואָדעוויל אין שיקאַגאָ און לעגיטים טעאַטער אין קליוולאַנד און ווערט צוזאַמען מיט זיבעל, אסתר און סאול וואַלערשטיין, דירעקטאָר אין ליריק טעאַטער, ניו־יאָרק, וואו זי בלייבט אַ סעזאָן. שפּעטער שפּילט זי 4 סעזאָנען אין לענאָקס טעאַטער (דיר. נייטאַן גאָלדבערג און דזשייקאָבס), 4 סעזאָנען אין ליריק (דיר. ליליען), 2 סעזאָנען אין האָפּקינסאָן (מיט גערמאַן) און צו איינצלנע סעזאָנען אין שיקאַגאָ (מיט גערמאַן) און אין ליריק־טעאַטער אין ברוקלין.

אַמפּלואַ — גראַנד־דאַמען.

מ. ע.

וואָלערשטיין, ראָזאַ

געבוירן 25 יאַנואַר 1896 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. פֿאָטער — דער אַקטיאָר הײמי וואָלערשטיין. געלערנט אין פּאַבליק-סקול און אין האַי-סקול. אַלס קינד פֿון 5 יאָר אַרויפֿגענומען אויף דער בינע דורך איר פֿאָטער, בלייבט שוין וו. זייט דאַמאָלט ביים יידישן טעאַטער, איבערגייענדיק שפּעטער צו סובּרעטין און ערנסטע דראַמאַטישע ראָלן.

וו. האָט גאַסטראָלירט מיט איר מאַן לויִס קרעמער אין אַרגענטינע. 6-1924 — האָט זי געשפּילט אין פּראָספּעקט-טעאַטער אין בראָנקס, 8-1927 — אין נוארק, 9-1928 — אין טאָראָנטאָ און 30-1929 — אין וואָדעוויל אין בראָנקסער מעקינלי סקווער-טעאַטער.

ש. ע.

וואָלף, אַרטהור

אין 1920 איז אין ניו-יאָרק אויפֿגעפֿירט געוואָרן זיין פּיעסע „יעקל פּורמאַן".

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." II, ז. 280.

וואָלפֿזאָהן, יעקב-מרדכי

געבוירן 1867 אין אַלעקסאַנדריע, וואָלין. דעביוטירט אין 1886 מיט אַ פֿעליעטאָן אין „יידישעס פֿאָלקסבּלאַט". 1891 — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, דאָ געוואָרן אַן אַקטיווער זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר. וו. האָט דראַמאַטיזירט מאַפּוס „אהבת ציון" א"נ „ציונס טעכטער".

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 900-02.

וואָלפֿינע, פּעסיע

געבוירן 1 אַפּריל 1904 אין ברעסט-ליטאָווסק, פּויליש-ליטע. פֿאָטער — אַ שוסטער. אין 1915 איז וו. אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך דער רוסישער קריגס-פֿאַרוואַלטונג פֿון ברעסט קיין מינסק, וואו זי טרעט אַריין אין דער יידישער פּראָפֿעסיאָנעלער שול און לערנט זיך דאָרט אַלס שניידערין ביז 1920. 1-1920 — געלערנט אויף די יאַריקע קורסן פֿון פּאָבשול-לערער, וואו ראַפּאַלסקי איז אַ לערער.

שוין זייט 1918 באַטייליקט זיך וו. אין פֿאַרשיידענע דראַמאַטישע קרייזן, נאָר נאָכן באַקענען זיך מיט ראַפּאַלסקי, טרעט זי אַריין אין דער ליבהאָבער-גרופּע אונטער זיין פֿירונג, פֿון וועלכער ס'אַנטשטייט זיין סטודיע.

1921 טרעט וו. אַריין אין מאָסקווע אין דער יידישער סעקציע פֿון ווייסרוסלענדישן אינסטיטוט פֿאַר סצענישער קונסט, וואו זי לערנט ביז 1926, און ווען די סטודיע ווערט פֿאַרוואַנדלט אין ווימ'ט, ווערט וו. אויטאָמאַטיש אַ מיטגליד פֿון דאָזיקן טעאַטער.

ש. ע.

וואָלפֿסזאָהן האַללע, אהרן

[געב. 1754 [?] — געשט. 20 מערץ 1835]

געבוירן 1754 [לויט צייטליןס „קרית ספר" — 1756] אין האַללע, פּרייסן. דער פֿאָטער איז געווען אַ דאָקטאָר און די מוטער האָט, קענטיק, אויך געהערט צום קרייז פֿון אויפֿגעקלערטע, און ס'איז דעריבער אָנצונעמען, אַז שוין אין זיין עלטערנהויז איז דער יונגער וו. געוואָרן דורכגעדרונגען מיטן גייסט פֿון דער ערשט אויפֿגעקומענער השכלה-באַוועגונג אין דייטשלאַנד. געקומען אין בערלין אַרום 1785, איז וו. זיך נאָנט צונויפֿגעגאַנגען מיט די השכלה-קעמפֿער יואל בריל (לעוו) און די אַנדערע משכילים, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום „המאסף", און איז איינגיכן געוואָרן — לויט גרעטס באַצייכנונג — „דער דרייסטער שטורמער פֿון דער מענדעלסאָנישער אויפֿקלערונג-עפּאָכע". זייט 1788 געוואָרן ליטעראַריש טעטיק. פֿריער אין העברעאיש, דערנאָך אין דייטש, איבערגעזעצט אין דייטש טיילן פֿון נ"ך און פֿאַרעפֿנטלעכט אַנדערע אָריגינעלע און איבערזעצטע ווערק. זיין אינטענסיווע ליטעראַרישע טעטיקייט אין צוזאַמענהאַנג מיטן קאַמף, וואָס ער האָט געפֿירט פֿאַר השכלה, האָט אים אַרויסגערוקט אין דער ערשטער ריי פֿון די דייטשע משכילים. ער איז געווען איינער פֿון די עקסטע און פֿאַרביטערטסטע קעגנער פֿון אָרטאָדאָקסישן יידנטום.

וו. האָט שפּעטער נאָך געשריבן פֿיל ווערק און טראָץ זיין אָנפֿירנדיקער ראָל אין קאַמף פֿאַר די אידעאַלן פֿון דער דייטשער השכלה מיט איר אויסגעהאַלטענער שאַרפֿער באַציאונג קעגן דער יידישער שפּראַך, האָט ער אָנגעשריבן [אדר תקנ"ח] אַ ווערק דווקא אויף יידיש „לייכטזין אונד פֿרעממעלייא, איין פֿאַמיליענגעמהעלדע אין דרייא אויפֿציגע" (ברעסלוי 1796). די קאָמעדיע אַנטהאַלט 80 זייטן און איז דער צווייטער טייל פֿון די „לוסט-שפּילע צור אונטערהאַלטונג ביים פּורים-פֿעסט". אין ערשטן טייל האָט וו. אַריינגענומען די קאָמעדיע „די שטאָלצע ושתי" פֿון דייטשן שריפֿטשטעלער פֿרידריך גאָטער, וועלכע ער האָט טראַנסקריבירט אין יידישע אותיות [אויף דעם אופֿן איז אַנטשטאַנען דער טעות, אַז „די שטאָלצע ושתי" איז אַ געדרוקטע יידישע קאָמעדיע].

די צווייטע אויפֿלאַגע פֿון וו.'ס קאָמעדיע איז שוין דערשינען באַזונדער (אַמסטערדאַם 1798, בדפוס יוחנן לוי רופא ובנו בנימין).

דידאָזיקע קאָמעדיע איז אָפּט [דורך שטיינשניידער און בן-יעקב] פֿאַרביטן געוואָרן מיט יצחק אייכלס קאָמעדיע „רב חנוך דער בעטראָגענע ביגאָט", וואַרשיינלעך צוליב דעם [לויט ב. גאָרין] וואָס אין ביידע פּיעסן הייסט דער הויפּט-העלד ר' חנוך.

וו. האָט — לויט ב. גאָרין — „זיין פּיעסע געשריבן מיט דער פֿולער כונה אַז מען זאָל זי שפּילן. קיין יידיש טעאַטער [אין מאָדערנעם זין פֿון וואָרט] איז דאַמאָלט נאָך נישט געווען, נאָר דער מחבר האָט גערעכנט, אַז מען זאָל די קאָמעדיע אויפֿפֿירן אויפֿן זעלבן אופֿן ווי מען האָט דאַמאָלט אויפֿגעפֿירט די פּורים-שפּילן און זי שפּילן טאַקע פּורים, ווען יידן ווילן זיך אונטערהאַלטן מיט אַזעלכע זאַכן. „לייכטזין און פֿרעמעליי" האָט געדאַרפֿט דינען אַלס דער איבערגאַנג פֿון די פּורים-שפּילן צו דער מאָדערנער יידישער דראַמע. זיין [וואָלפֿסזאָהנס] צוועק איז געווען אַ דאָפּלטער, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, אַ דרייפֿאַכיקער — ערשטנס: צו פֿאַרטרייבן די פּורים-שפּילן און אויפֿפֿירן מאָדערנע דראַמען, וואָס זאָלן אין לעבעדיקע פֿאַרבן שילדערן דאָס יידישע פֿאָלק, — צווייטנס: צו קעמפֿן קעגן פֿאַנאַטיזם, און דריטנס: צו קעמפֿן קעגן דער מאָדערנער יוגנט, וועלכע איז אַוועקגעגאַנגען אויף אַ שלעכטן וועג".

דער מחבר דערקלערט דאָס אַליין אין זיין הקדמה, וועלכע איז געשריבן אויף דייטש מיט יידישע אותיות.

„וו.'ס פּיעסע האָט — לויט זלמן רייזען — מיט אירע שאַרפע השכלה־טענדענצן געדינט אַלס פּראָטאָטיפּ פון אַלע שפּעטערדיקע השכלה־דראַמען, וואָס זייער צוועק איז געווען צו קעמפן קעגן פאַנאַטיזם; אָבער אין דער זעלבער צייט האָט דער אַווטאָר זיך אויך נישט אָפּגעשראָקן צו ווייזן, אַז אויך דער יונגער דור גייט אויף אַ פאַלשן וועג, בפרט די יידישע פרויען, וואָס האָבן נאָר אויפגעכאַפּט דעם אויבנאויפיקן גלאַנץ פון דער פרעמדער קולטור און אַוועקגעוואָרפן זייער טראַדיציאָנעלע צניעות. און הגם די טענדענציעזקייט פון דעם ווערק איז זייער אַ געדיכטע, אָבער דאָס איז דאָך געווען דער ערשטער פּרוב אין דער יידישער ליטעראַטור צו שילדערן לעבעדיקע מענטשן פון דער מאָדערנער צייט, — דער־צו נאָך געשריבן אין אַ תקופה, ווען אויך אין דער אייראָפּעאי־שער ליטעראַטור האָט געהערשט די טענדענציעזע, סענטימענטאַלע ריכטונג מיט איר איבערגעטריבענער אידעאַליזאַציע פון איין זייט און די געדיכט־שוואַרצע פאַרבן פון דער אַנדערער זייט."

כאָטש דער טיטל פון דער קאָמעדיע, די הקדמה און דער דיאַ־לאָג פון די פאָרשטייער פון דעם יונגען דור אין דער קאָמעדיע זיי־נען געהאַלטן אין דייטש, ריידן אַלע אַנדערע פּערזאָנען אין דעם כאַראַקטעריסטישן לאָקאַלן יידיש פון דער נאָרדלעכער געגנט אין דייטשלאַנד ביים סוף פון 18־ן יאָרהונדערט. די קאָמעדיע איז אפשר אויך די איינציקע יידישע פּיעסע, אין וועלכער ס'ווערט אָפּגעהיט די כאַראַקטעריסטישע אויסשפּראַך פון אַ באַשטימטער געגנט.

וו.'ס קאָמעדיע איז ביים לעבן פון מחבר ניט אויפגעפירט געוואָרן. ערשט אין סוף פון די 70־ער יאָרן פון 19־ן יאָרהונדערט האָט פּראָפ. הורוויץ אויסגענוצט דעם אינהאַלט פון דערדאָזיקער קאָמעדיע פאַר זיינעם אַ פאַרס „שבתי צבי", וועלכן ער האָט געשפּילט מיט זיינע טרופּעס אין מזרח־אייראָפּע.

1917 — האָט געביל אין זיין טעאַטער אויפגעפירט ב. גאָרינס אַ באַאַרבעטונג פון דערדאָזיקער קאָמעדיע א'נ „דער צבועק". די אויפפירונג האָט אָבער נישט געהאַט קיין דערפאָלג [אין רייזענס „לעקסיקאָן" איז ניט ריכטיק אָנגעגעבן וועגן אַ ליבהאָבער־אויפפירונג אין 1918 אין ניו־יאָרק].

איייניקע יאָר שפּעטער האָט דר. מ. וויינרייך אויפגעפירט די קאָ־מעדיע אין ווילנע מיט די תלמידים פון יידישן לערער־סעמינאַר.

זלמן רייזען האָט אין זיין בוך „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע" (I, זז. 68-25) פולשטענדיק איבערגעדרוקט וו.'ס קאָמעדיע.

לויט מאַקס פרוידענטאַל געהערט אויך צו וו.'ס פעדער די אַנאָ־נימע פּיעסע „דוד דער באַזיגער פון גלית".

דר. י. שאַצקי ווייזט אָן („אַרכיוו", ז. 148), אַז אין קאַטאַלאָג פון ראָזענטאַלס ביבליאָטעק אין אַמסטערדאַם, וואָס איז אין 1875 צונויפגעשטעלט געוואָרן פון M. Roest ווערט (אויף ז. 90) אָנגעגעבן אַ פּיעסע „דוד דער בעזיגער דעם גלית", ברעסלע 1802, 19 זז. 8°.

צעדנער דערמאָנט אין זיין קאַטאַלאָג (ז. 197) פון בריטישן מוזיי (לאָנדאָן 1867) אַן אַנדערע אויסגאַבע פון דער פּיעסע: „דוד, דער בעזיגער דעם גלית, איין שוישפּיל מיט געזאַנגען אין צוויי אויף ציגן", פיורדא [1815?] 8°.

אין לעווענשטיינס ביבליאָגראַפיע פון פיורדער דרוקן ווערט די זעלבע אויסגאַבע געניער באַצייכנט: „דוד דער בעזיעגער דער גלית. איין שוישפּיל מיט געזאַנגען אין צוויי אויפציגן צור בע־לוסטיגונג אם פורים־פעסטע" (16 ז. 8°), „מיט אָרטאָגראַפישע פאַר־בעסערונגען, פאַרזען פון יצחק דוד צירענדאָרפער."

שטיינשניידער דערמאָנט די זעלבע אויסגאַבע מיט דער באַ־מערקונג, אַז זי איז געדרוקט אויף דייטש מיט יידישע אותיות.

שאַצקי באַמערקט וועגן דער פּיעסע: „קיין גרויסן ליטעראַרישן ווערט האָט די פּיעסע ניט און איר איינציקער אינטערעס, אי דאָס נאָר אַ ביבליאָגראַפישער, באַשטייט אין דעם, וואָס דער מחבר פון „לייכטזין און פרעממעלייא" איז איר פאַרפאַסער. וואַרשיינלעך איז דאָס געווען אַ געלעגנהייטס־שפּיל, — אָנגעשריבן פאַר די תלמידים פון דער ווילהעלמשולע אין ברעסלע".

דעם 20 מערץ 1835 איז וו. געשטאָרבן אין פיורדא.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 910-904.
ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." I, זז. 82-70.
ב. באָראָכאָוו — „די ערשטע אידישע קאָמעדיע", „די וואַרהייט", 30 יאַנואַר, 1917.
ק. מרמר — באַרימטע מענטשען, „פרייהייט", נ. י. 4 מאַי, 1924.
נ. אויסלענדער — די עלטערע אידישע דראַמע און איר קינסטלערישע אויסשטאַטונג, „טעאַטער־בוך", קיעוו, 1927, זז. 54-39.
מאַקס עריק — די ערשטע יידישע קאָמעדיע, „פילאָלאָגישע שריפטן", 3־טער באַנד, ווילנע, 1929, זז. 584-555.
דר. מ. וויינרייך — „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע", ווילנע, 1928.
זלמן רייזען — „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע", ווילנע
דר. יעקב שאַצקי — וועגן אהרן האללע וואָלפסזאָהנס פּיעסן, „אַרכיוו", ווילנע, 1930, זז. 150-147.

וואָלפסטאַל, חנא

[געב. [3] 1851 — געשט. 19 דעצעמבער 1924]

געבוירן 1851 [לויט רייזענס „לעקסיקאָן" — 1853] אין טישמיעניצע, ביי סטאַניסלאַוואָוו, גאַליציע. פאָטער — שטאָטישער חזן, אַ גוטער מנגן מיט פיל ליבע צו מוזיק, וועלכע ער האָט אויך איינגעפלאַנצט ביי זיינע זיבן זין.

געטריבן פון דאגות־פרנסה, באַזעצט זיך די פאַמיליע אין טאַרנאָפּאָל, וואו זיי אָרגאַניזירן זיך אַלס די „וואָלפסטאַל־קאַפּעליע".

וו. האָט נאָך אַלס קינד געזונגען מיט זיינע ברידער אין כאָר ביי זיין פאָטער. אַ דאַנק וו.'ס קאָמפּאָזיציעס ווערט די קאַפּעליע, וועלכע פאָרט אויך אַרום איבער פּריצישע און רביישע הויפן, זייער פּאָפּולער אין גאַליציע, באַזונדערס אָבער אין טאַרנאָפּאָל, וואו זי שפּילט יאָרן לאַנג.

כמעט אַן אויטאָדידאַקט אין מוזיק, האָט וו. באַקומען אַ געוויסע מוזיקאַלישע בילדונג בלויז בעת זיין מיליטער־דינסט אַלס מיליטער־מוזיקער. אין יענער צייט פאַרפאַסט וו. אַ ריי מיליטערישע מאַרשן, וואַלסן און אַנדערע טאַנץ־נומערן, וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן פון די מיליטער־אָרקעסטערס כמעט איבער דער גאַנצער האַבסבורגער מלוכה.

כדי זיינע ברידער זאָלן שפּילן זיינע קאָמפּאָזיציעס, איז וו. גע־צוואונגען צו שיקן די קאָמפּאָזיציעס צו פרעמדע קאָמפּאָזיטאָרס און ערשט נאָכדעם ווי זיי ווערן דאָרט איבערגעשריבן אויף אַ פרעמדן נאָמען נעמען אַריין וו.'ס ברידער די קאָמפּאָזיציעס אין זייער רעפּערטואַר.

וו. האָט דידאָזיקע קאָמפּאָזיציעס ניט פאַרעפנטלעכט און נאָר איייניקע פון זיי האָבן זיך אויפגעהיט דורך דער טראַדיציע פון מאַנכע אָרקעסטערס. דער גרעסטער טייל פון זיי איז פאַרגעסן געוואָרן, אָדער פאַרבליבן אויף נעמען פון אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרס.

דער אמתער קוואַל פון וו.'ס טאַלאַנט האָט זיך אָבער אַנטפּלעקט ערשט אין יידישן טעאַטער. אַלס דיריגענט פון יעקב בער גימ־

פעלס טרופּע אין לעמבערג, האָט וו. געשריבן קאָמפּאָזיציעס צו די אָפּערעטן „דער טייוול אַלס רעטער“ פון משה שור, „ר׳ יהודה הלוי“, „בת ירושלים“ און „בוסתנאי“ פון יצחק אויערבאַך, „דער קאָמי־שער באַל“ און „די מלכה שבא“. דידאָזיקע אָפּערעטן האָבן, דער עיקר צוליב וו.׳ס מוזיק, זיך געהאַלטן יאָרן־לאַנג אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער אין מזרח־ און מערב־אייראָפּע.

אַ באַזונדערן דערפאָלג האָט געהאַט וו.׳ס אָפּערעטע „די דריי מתנות“ (דראַמאַטיזירט דורך בער האַרט לויט פּרץ פאָלקסטימ־לעכער געשיכטע מיטן זעלבן נאָמען).

„מוזיקאַליש אויפגעפאַסט אַלס קלאַסישע אָפּערעטעס נאָך דעם מוסטער פון יאָהאַן שטרויס און סופּע, האָבן דידאָזיקע ווערק מיט זייערע סימפאָנישע אָוועטורעס, זייערע כאָרן און גלענצנד אויפ־געבויטע פינאַלן, דעם אוצר מעלאָדיעס און דעם יידישן טאָן, גע־האַט א. א. וו. . . . [רייזענס „לעקסיקאָן“].“

„די מוזיק צו „בת ירושלים“ ווערט — לויט דוב זאַוואַדזקי — געהאַלטן פאַר די בעסטע פון וו.׳ס שאַפונגען. די אינטראָדוקציע ווייזט אויף אַ רייכן ראָמאַנטיש־אָריענטאַלישן כאַראַקטער. די טעכנישע באַהאַנדלונג פון די האָלץ־אינסטרומענטן איז אַ געלונ־גענע. די אַריעס האָבן אַ הערלעכן קאָלאָריט פון ליריש־ראָמאַנ־טישע מאָטיוון. אָבער טיפער אין אויפפאַסונג און רייכער אין גע־דאַנק איז וו.׳ס מוזיקאַלישע אילוסטראַציע צו „די דריי מתנות“.

אַ סך פון וו.׳ס מעלאָדיעס („פרייטאָג אויף דער נאַכט“, „וואַנדערט אָן ראַסט אונד רוה“ א. א.) ווערן געזונגען פון פאָלק אַלס פאָלקס־ניגונים.

אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע, צוליב וועלכער ער איז געווען געצוואונגען צו שפּילן טאָג און נאַכט, האָט וו. אין 1901 אָרגאַ־ניזירט אַן אייגענע טרופּע, מיט וועלכער ער איז אַרומגעפאָרן אי־בער גאַליציע, בוקאָווינע, געשפּילט אויך אין בודאַפּעסט (שאַמשי מולאַטא טעאַטער) און בערלין (טאַליאַ־טעאַטער און דערנאָך אין אַלעקסאַנדער פּלאַץ־טעאַטער). אָבער נאָכדעם ווי הורוויץ נעמט צו ביי אים די וויכטיקסטע אַקטיאָרן, צעפאַלט זיך די טרופּע און וו. באַזעצט זיך מיט זיין פאַמיליע אין לעמבערג.

בעת דער וועלט־מלחמה איז וו. אַוועק קיין ווין, וואו ער האָט די־ריגירט אין יידישן טעאַטער. נאָך דער מלחמה קערט ער צוריק קיין לעמבערג און שפּילט אויף חתונות און אין קאַפע־הייזער, אָבער בעתן לעמבערגער פּאָגראָם ווערט צעשטערט דאָס „אַרטיסטן“־קאַ־פע־הויז „אבאַציאַ“ (וו.׳ס „שטענדיקער“ שפּיל־פּלאַץ) און וו. בלייבט אינגאַנצן אָן ברויט. ער פּרובט קאָמפּאָנירן אָפּערעטעס פאַרן אייראָפּעאישן טעאַטער, אָבער אָן דערפאָלג.

וו. איז — לויט יעקב מעסטעל — געווען אַ פיינער טשעלאָ־שפּי־לער, אָבער זיין אידעאַל איז געווען צו שאַפן אַ גוטן יידישן אָפּע־רעטן־טעאַטער פון אַן אייראָפּעאישן פאַרנעם. צוליב זיין זעלטע־נער באַשיידנקייט און ערלעכן כאַראַקטער איז ער געווען באַליבט אין דער גאַנצער פּראָפעסיע. ער האָט באַזעסן אַ טיפע אינטעלי־גענץ, איז געווען „אַ ווערטל־זאָגער“ און אַ סך פון זיינע גלייכ־ווערטעלעך ווערן עד היום נאָכדערציילט צווישן די יידישע אַקטיאָרן פון דער געוועזענער עסטרייך־אונגאַרישער טעריטאָריע.

דעם 19 דעצעמבער 1924 איז וו. געשטאָרבן אין לעמבערג.

צווישן וו.׳ס איבערגעלאָזטע מאַנוסקריפּטן געפינען זיך קאָמ־פּאָזיציעס צו 11 אָפּערעטן, דערונטער: „דער מגן־דוד“, ליברעטאָ פון אייזיק וויינשטאָק, וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן, „דער מאַן און זיין שאָטן“, „מאַן־וואָלף“ א. א., וועלכע זיינען נאָך נישט געשפּילט געוואָרן.

פון וו.׳ס ברידער זיינען איניקע געווען פּראָפעסאָרן אין די קאָנסערוואַטאָריעס פון לעמבערג און לאָנדאָן און זייערע קינדער עמיל וו. און בראָניסלאַוו וו. זיינען פּאָפּולער אַלס ווירטואָזן און יוסף וו. איז ערשטער קאָנצערטמייסטער אין דער בערלינער מלוכה־אָפּערע.

מ. ע. פון יעקב מעסטעל און ש. ע. פון אַדאָלף גערטנער.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 13־910.

דוב זאַוואַדזקי — חנא וואָלפסטאַל, „טאַגבלאַט“, לעמבערג, 15 מערץ 1924.

ב. צעגראָווסקי — דער אידישער פאָלקס־קאָמפּאָזיטאָר חנא וואָלפסטאַל געשטאָרבן „היינט“, וואַרשע, 25 דעצעמבער 1924.

שלום פערלמוטער — חנא וואָלפסטאַל דער שעפער פון דער אידישער אָפּערעטע, „דער טאָג“, נ. י. 21 יאַנואַר 1925.

וואָלפשטאַט, אברהם

גבוירן 20 דעצעמבער 1897 אין כענטשין, קעלצער קרייז, פּוילן. פאָטער — אַ מלמד, מוטער — געשריבן לידער און דורך איר וויר־קונג באַזוכט וו. די יידישע פאָלקסשול און לערנט נאָכדעם פּריוואַט ביי לערער.

אַריבערטראָגנדיק זיך קיין לאָדזש, ווערט וו. אַן אָפטער באַזוכער פון פּוילישן און יידישן טעאַטער. אין קריגס־צייט געווען אַ לוין־אַרבעטער ביי דער דייטשער מאַכט, דער־נאָך געוואָרן אַ בונדישער עסקן און פונק־ציאָנער פון דער נאָדל־צענטראַלע אין פּוילן. 1923 — אַריינגעטראָטן אין דר. וויכערטס דראַמאַטישער שול, דערנאָך איבערגעגאַנגען אין דוד הערמאַנס סטודיע און דעביוטירט אין פּרצס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“. 1926־7 — געשפּילט אין ריגער יידישן טעאַטער (פּי־רונג — מאָרעווסקי), דערנאָך געפאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד, וואו ער באַקענט זיך מיט די נייע דערגרייכונגען אויפן טעאַטער־געביט און ווערט ביים צוריקקומען אַנגאַזשירט אין לידיאַ פּאָטאָצקאַס וואַנ־דער־טרופּע איבער פּוילן. 1928 — געווען רעזשיסער פון דער גראָדנער דראַמאַטישער סטודיע „אַדווי“, דערנאָך אַרומגעפאָרן מיט רעציטאַציעס און אין אָנהייב 1929 געמאַכט אַ טורנע (מיט שושנה און קורץ) איבער פּוילן מיט דער פּיעסע „יאַשיוואַראַ“.

וו. האָט אָנגעשריבן איניקע פּיעסן. פון זיי זיינען אויפגע־פירט געוואָרן: „ברויט“ אין ריגע, „איבער קברים“ אין כעלם, גראָדנע, לובאָוויל, קאָוועל א. א. און די איינאַקטערס „הינטער אַ פאַרשלאָסענער טיר“ און „אַ דייטשל“ אין גראָדנע.

ש. ע.

וואָלצינאַק, שמעון

מחבר פון „דער בעקאַנטער דאָקטאָר“ אָדער „וויא ניט ליב איז אים דער אפּיקורס“ — „אַ דראַמע אין 5 אַקטען, בהוצאות בית מסחר הספרים של המדפּים אַלאַפּין, וואַרשא שנת תרמב לפ״ק“ [1882, 30 ז. 16°].

וואַסערמאַן, יעקב

געבוירן אין ...188 אין פּלאָצק, פּוילן. פיל געוואַנדערט איבער מערב־אייראָפּע, אַמעריקע, אינדיע א. א. די צייט נאָך דער וועלט־מלחמה פאַרבראַכט אין וואַרשע, וואו ער איז געווען באַשעפטיקט אַלס לערער פון ענגליש. אַ חוץ אַרטיקלען אין איניקע צייטשריפטן, האָט וו. אַרויסגעגעבן אַ בוך א״ט „דאָס טעאַטער און דער סאָ־ציאַליזם“ (וואַרשע 1921, זז. X + 180), וואו ער פּרובט באַהאַנדלען

דאס טעאטער-פראבלעם פון א היסטאריש-מאטעריאליסטישן שטאנדפונקט. א חוץ פיל היסטארישן מאטעריאל ברייננגט אויך וו. אין דעם בוך זיינע אייגענע השערות וועגן מאדערניזם און עקספרעסיאניזם אין דער ליטעראטור, קינא א. א.

וו. איז אויך געווען דער רעדאקטאר און ארויסגעבער פון זשורנאל „ארבעטער קולטור ון קונסט“ (ווארשע, דעצעמבער, 1922), פון וועלכן ס'איז דערשינען נאר איין נומער.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, ז. 913.

יעקב מעסטעל — טעאטער־ביכער, „פרייהייט“, 5 יולי 1929.

וואקסמאן, אסתר

[געב. 25 יולי 1874 — געשט. 15 אקטאבער 1924]

געבוירן 25 יולי 1874 אין לאדזש, פוילן. שוועסטער פון משה דוד וואקסמאן און פעני וואקסמאן-בלומענטאל. 1900 — געקומען אין אמעריקע צוזאמען מיט איר מאן, דער פארטרעטן-צייכנער ראטבלאט, און געשפילט אין ניו-יארק, פילאדעלפיע און אין דער פראווינץ, צוערשט אלס פרימאדאנע אין דער אפערעטע, דערנאך דראמאטישע ראלן, גראנד-דאמען און מוטער-ראלן.

וו. איז געווען אנערקענט פון דער קריטיק אלס טאלאנטירטע שוישפילערין.

דעם 15 אקטאבער 1924 איז וו. געשטארבן און געקומען צו אייביקער רו אויפן ציפרעס-הילס עבי אין פילאדעלפיע.

מ. ע. פון ל. ראטבלאט.

וואקסמאן, יעקב

געב. 22 אקט. 1866 אין לובלין, פוילן. פאטער — א משכיל, זיך פארנומען מיט אדוואקאטור, האט זיין זון נישט געגעבן קיין ספעציעל-יידישע דערציאונג. געענדיקט א 4-קלאסיקע קרויניש-יידישע שול.

אין 1882 אריינגעטראטן אין לובלין אין דער יידישער טרופע פון שווארץ, און אן האנאראר געזונגען אין כאר, 1884 — געווען כאריסט ביי וויינשטאק אין לובלין און ארומגעפארן מיט דער דאזיקער טרופע איבער דער סביבה, ארויסטרעטנדיק שוין אין ראלן פון גאלדפאדענס רעפערטואר. 1885 — צוריקגעקומען אין לובלין און געארבעט 2 יאר אלס געהילף־סעקרעטאר אין א דארפישער פארוואלטונג, דערנאך ביי א געשוואוירענעם אדוואקאט. 1890—געדינט אין מיליטער אין קראנשטאט און אלס איינגייער אין א יידיש הויז זיך דארט באקענט מיט דער יידישער און רוסיש-יידישער ליטעראטור. שפעטער געארבעט 2 יאר אלס כראניקער אין דער רוסישער צייטונג „לובלינסקיא גובערנסקיא וויעדאמאסטי“ און נאכן באזייטיקט ווערן דורכן גובערנאטאר פאר אפדרוקן א נאטיץ וועגן שלאגן און ארעסט פון א ייד דורך דער פאליציי, פארנעמט זיך וו. מיט פריוואט-אדוואקאטור.

1916 — גרינדעט וו. א יידישע טרופע אין לובלין אין טעאטער פאנטעאן, דערנאך אין טעאטער רוסאלקא. 1918 — אנגעפירט מיט א יידישער טרופע איבער אוקראאינע.

וו. האט פארפאסט פאלגנדיקע דראמען: „די מכבי-מוטער“, טראגעדיע אין 4 אקטן (אויפגעפירט 5 מערץ 1908 אין ווארשעווער מוראנאווער טעאטער דורך קאמפאניעצם טרופע), „אין יענע טעג“, טראגעדיע אין 3 אקטן (אויפגעפירט אפריל 1908 אין זעלבן טעאטער. די אויפירונג איז באלד פארווערט געווארן מצד דער רעגירונג), „די פארשטויסענע“, לעבנסבילד אין 4 אקטן (אויפ. 13 אפריל 1909 אין ווארשע אין טעאטער אויף אלעקסאנדער פלאץ דורך פישזאנס טרופע), „דער פראוואקאטאר“, טראגעדיע אין 4 אקטן (אויפ. 16 יוני 1913 אין אדעס, טעאטער בולגאראוו, דורך סאבסיים טרופע), „בערעק יאסעלעוויטש“, טראגעדיע אין 4 אקטן (דערשינען אין פארלאג „יבנה“, ווארשע, 1910. אויפגעפירט 22 אפריל 1913 אויף פויליש אין לובלינער טעאטער רוסאלקא דורך פראנץ סטעפאנסקים טרופע. באלד דערויף פארווערט געווארן פון דער רעגירונג. אין יידיש אויפגעפירט געווארן אין 1917 דורך מ. ד. וואקסמאן אין ווארשעווער קאמינסקי טעאטער), „דאס גאסן-מיידל“ („דער געלער בילעט“), טראגעדיע אין 3 אקטן (אויפגעפירט 6 סעפטעמבער 1910 אין לובלין אין טעאטער רוסאלקא דורכן לובלינער סטודענטן-קרייז, דערנאך געשפילט געווארן דורך פיל פראפעסיאנעלע יידישע טרופעס. אויף העברעאיש געשפילט געווארן ז. ניסן תרפ"ו אין דער קאלאניע ראש פנה, ארץ-ישראל, דורך אן ארטיקער ליבהאבער-גרופע), „אוקראאינער פאגראם-קרבנות“, טראגעדיע אין 4 אקטן (געדרוקט אין פארלאג גאלדפארב, ווארשע, 1927, אויפגעפירט אפריל 1924 אין לאדזשער סקאלא-טעאטער דורך קאמפאניעצם טרופע, שפעטער מצד דער מאכט פארווערט געווארן צו שפילן), „קדוש השם“ [קיין שיכות מיט אשם ראמאן און פיעסע], טראגעדיע אין 3 אקטן (אויפגעפירט 17 סעפטעמבער 1928 אין לובלינער פאנטעאן-טעאטער דורך בעטי קעניגס טרופע) און די נאך נישט אויפגעפירטע פיעסן: „די זינדיקע מוטער“, „די בלום פון האנג-קאנג“ און „שווארצבארדס פראצעס“.

וו. האט אויך געשריבן פאלגנדיקע אפערעטן: „די שיינע בערטא“ (מוזיק פון יוליוס אדלער און י. שלאסבערג, אויפגעפירט 1916 אין לאדזשער גרויסן טעאטער דורך אדלער-סיראצקים טרופע), „מאלווינקע וויל אזוי“ (מוזיק פון י. שלאסבערג, אויפגעפירט 16 יאנואר 1916 אין לובלינער פאנטעאן-טעאטער דורכן מחברס טרופע), „וואס א מויד קען“ אדער „דער ליבלינג פון פרויען“ אדער „איך זוך א שותף“ (מוזיק פון אדלער, שלאסבערג א. א. אויפג. 7 דעצעמבער 1913 אין ווארשעווער עליזעאום דורך קאמפאניעצם טרופע), „די פרימאדאנע“ אדער „איר בענעפיס“ (מוזיק פון קומאק, אויפג. 1 נאוועמבער 1920 אין ווארשעווער צענטראל-טעאטער), און די נאך נישט געשפילטע „די לוסטיקע מארי“ (מוזיק פון פערדינאנד) און „געכאפט א חתן“ (מוזיק פון שלאסבערג).

וו. האט אויך דראמאטיזירט ראמאנען, דערציילונגען און כראניקעס: „מענדל ביילים“, לויטן סטענאגראפישן באריכט פון פראצעס (אויפג. 21 נאוועמבער 1918 אין אומאן, אין קליינעם טעאטער אונטער וו.'ס דירעקציע), „פישקע דער קרומער“ לויט מענדעלי מוכר ספרים (אויפג. יוני 1924 אין ווארשעווער צענטראל-טעאטער א"ל פון משה ליפמאן), „דער גלאקן-קלינגער פון נאטר דאם“, לויט וויקטאר הוגא (אויפג. 6 מערץ 1925 אין ווילנער פאלאס-טעאטער דורך זיגמונט טורקאווס טרופע), „דער וואס האט זיך פארקויפט“, לויט עמיל זאלאס „נאנטעס“ (אויפג. 26 נאוועמבער 1927 אין קאוועל דורך יאנאס טורקאוו), „די זיבן געהאנגענע“, לויט לעאניד אנדרעעוו (אויפג. אויגוסט 1926 אין לוב-

לינער פּאַנטעאָן-טעאַטער דורך הערשקאָוויטשעס טרופּע), „אין פּוילישע וועלדער“, לויט יוסף אָפּאַטאָשו (אויפג. 1929 אין לובלין) און די נאָך נישט אויפגעפירטע: „אונזער פרוי“ לויט ז. סעגאַלאָוויטש, „די דאָפּל-געגנערין“ און „דאָס קינד פון ליבע“, לויט פּוילישע ראָמאַנען.

וו. האָט אויך באַארבעט „ערדגייסט“ לויט וועדעקינדס פּיעסע (אויפג. 1926 אין לובלינער פּאַנטעאָן-טעאַטער דורך זיגמונט טורקאָוו) און „דער גורל“ אָדער „ווילדקייט אין דער ליבע“ פון קאַרל מערע (אויפג. 1926 דורך זיגמונט טורקאָוו אין לובלינער פּאַנטעאָן טעאַטער).

פון וו.'ס איבערזעצונגען זיינען אויפגעפירט געוואָרן: „די פרוי, וואָס האָט דערהרגט“ (24 פעברואַר 1924 אין לובלינער פּאַנטעאָן-טעאַטער), „יאַשיוואַראַ“ פון באָכוויץ (10 דעצעמבער 1928 אין טשענסטאָכאָוו), „חוה“, מוזיק פון לעהאַר (אויפג. 12 נאָוועמבער אין וואַרשעווער עליזעאום דורך קאָמפּאַנעיעץ טרופּע), „שושנה די צנועה“, מוזיק פון לעהאַר (אויפג. 13 יאַנואַר 1913, דאָרט), „ציגיינער-ליבע“, מוזיק פון לעהאַר (אויפג. 28 פעברואַר 1913, דאָרט), „פּופּטשיק“, מוזיק פון לעהאַר (אויפג. 13 סעפּטעמבער 1913 אין קאַמינסקיס טעאַטער דורך יאַנגוויץ טרופּע), „די דאַמע אין רויטן“ (אויפג. 5 יולי 1914 אין מינסקער באַרמאַן-טעאַטער דורך אַניסמאַן טרופּע), „די שאַנסאָנעטע“ (אויפגעפירט יאַנואַר 1917 אין לאָדזשער סקאַלאַ טעאַטער דורך אַדלער-סיעראַצקיס טרופּע), „מיידלמאַרק“, „אויטאָ-ליבע“, „פרילינגס-לופט“, „ווען מענער שווינדלען“, „די דאָלאַר-פּרינצעסין“, „דריי פאַרלאַנגען“, „סוזי“, „טשאַרדאַש-פירשטין“ (אַלע אויפגעפירט אין 1917-18 אין וואַרשעווער צענטראַל-טעאַטער דורך צעלמייסטערס טרופּע), „באַראָן קימעל“ (אויפג. אין 1922 אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער דורך קאָמפּאַנעיעץ טרופּע) און די נאָך נישט געשפּילטע איבערזעצטע דראַמען: „די נאַקעטע“, „די מוטער“ נאָך מאַקסים גאָרקי, „מאַנדאַרין וואו“ און די אָפּערעטן: „די פלעדערהויז“ פון שטרויס, „פרויען-האַרץ“ און „גרעפין מאַריצאַ“.

וו. האָט אויך פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע שריפטן, באַזונדערס אין זילבערצווייגס וואָכנבלאַט „טעאַטער און קונסט“, זכרונות וועגן יידישן טעאַטער.

ש. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט“, I, זז. 913-15.
B. Warman — Matka Machabuszów Jacóba Waksmana, “Kurjer Lubelski”, Lublin, 21 Stycz, 1907.

אלף — פאַרבייגעהענדיג, „אונזער לעבען“, וואַרשע, 30 אַפּריל 1909.

Лоэнгринъ — ”Отверженные“ Ваксмана, “Одесскія Новости“, Одесса, 11 августа, 1910.

Раскольниковъ — “Отверженные“ Ваксмана, “Коммерческій Листокъ“, Одесса, 15 августа, 1910.

Moderato — Еврейская труппа, “Голосъ Одессы“, Одесса, 27 Іюля, 1910.

Waserzug — “Berek Joselewicz” przez J. Waksmana, “Izraelita”, Warszawa, 10 Sierpnia 1910.

У. К-нъ — “Berek Joselewicz”,“Новый Восходъ“, Петербургъ, 2 Іюля, 1910.

Л. Гладштайнъ — “Дусъ Гасенъ Майдлъ“ Ваксмана, “Вечерняя Газета“, Одесса, 15 Іюля, 1913.

נ. מ. — „פישקע דער קרומער אויף דער בינע“, „ליט"בלט“, 13 יוני, 1924.

J. Apenszlag — “Fiszka Kuterlawy”, “Nasz Phezegąd” Warszawa, 8 Czerwca, 1924.

מיכאל ווייכערט — טעאַטער און דראַמע, 1926, II, זז. 72-76.

י. ניסענבוים—„קדוש השם“, „לובלינער טאָגבלאַט“, 20 אויגוסט, 1928.

ח. סאַפּאָזשניק — „פּוילישע וועלדער“, „פּינסקער שטימע“, פּינסק, 16 אויגוסט, 1929.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו“, ווילנע, 1930, ז. 387.

וואַקסמאַן, מאָריס

[משה דוד]

געבוירן 25 יולי 1874 אין לאָדזש, פּוילן. פאָטער געווען חזן 25 יאָר אין דער בלאַשקער שול אין לאָנדאָן, דער זיידע ר' יעקב וואַקסמאַן — רב אין בלאַשקע און אַ ברודער — אַ מגיד.

געלערנט ביים קאָוועלער רבי אין לאָדזש צוזאַמען מיט די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן סעמועל טאָרנבערג און יצחק זאַנדבערג.

אַזוי ווי ביי זיי אין שטוב פלעגן זיך צוזאַמענקומען די דאַמאָלטדיקע יידישע אַקטיאָרן, און זיין עלטערער ברודער, הערש יוסף, פלעגט מיט „ליבהאָבער“ און מיט בראָדערזינגער שפּילן מכירת-יוסף שפּילן, האָט וו. צוזאַמען מיט אַנדערע יונגעלייט אָנגעהויבן זיך באַטייליקן אין ליבהאָבער-אויפפירונגען פון גאָלדפאַדענס פּיעסן.

אין 1889 פאָרט ער מיט דער פאַמיליע קיין לאָנדאָן און דאָרט טרעט ער אַריין מיט זיין שוועסטער פעני אין כאָר פון יידישן טעאַטער, וואו ער באַקומט אויך צו שפּילן קליינע ראָלן.

ווען דאָס טעאַטער ווערט דורך אַ מסירה פאַרמאַכט, און די אָנגעזעענע כחות פון דער טרופּע פאָרן אַוועק, ווערט וו. דער יוגנטלעכער ליבהאָבער אין דער ניי-געגרינדעטער טרופּע, שפּילנדיק אין פאַרשיידענע שטאָט-טיילן פון לאָנדאָן, דערנאָך פאָרט ער קיין פּאַריז און אַנטווערפּן, און צוריק קיין לאָנדאָן.

אין 1896 גאַסטראָלירט מאַקס ראָזענטאַל אין לאָנדאָן און פאַרבעט וו. קיין אַמעריקע, וואו ער טרעט אַריין אין טאַליאַ-טעאַטער, אין דער טרופּע פון קעסלער, פיינמאַן, מאָגולעסקאָ, קאַליש א. א. צום סוף סעזאָן ווערט וו. אַנגאַזשירט דורך גליקמאַן קיין שיקאַגאָ, וואו ער שפּילט 3 יאָר, און ווערט רעזשיסער פון דער טרופּע. דערנאָך ביי אַדלערן אין פּיפּל-טעאַטער אין ניו-יאָרק, שפּעטער אין פילאַדעלפיע מיט זיין אייגענער טרופּע, דאַן גאַסטראָלירט ער אין לאָנדאָן, און פון דאָרט פאָרט ער מיט זיין טרופּע קיין דרום-אַפריקע, וואו ער שפּילט אויך מיט אַן ענגלישער טרופּע.

אין 1906 עפנט וו. ווידער דאָס פּאַוויליאָן-טעאַטער אין לאָנדאָן, און איז אַ מיטגרינדער פון דער אַקציע-געזעלשאַפט צו גרינדן אַ יידיש קונסט-טעאַטער, וועלכע האָט פיר יאָר שפּעטער, נאָכן טויט פון זיגמונט פיינמאַן, געעפנט אַ יידיש קונסט-טעאַטער אויפן נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם.

אין 1913 שפּילט וו. 7 חדשים מיט אַן אייגענער טרופּע אין אַרגענטינע, ווידער אין לאָנדאָן (דיר. מיט מאָשקאָוויטש) און אין זעלבן יאָר ביי זאַנדבערגן אין לאָדזש, אין אָדעס און יאַסי, רומעניע, און ווידער אין לאָדזש, וואו ער ווערט, נאָך זאַנדבערגס טויט, דער פאַקטישער בעל-הבית פון גרויסן טעאַטער. שפּעטער פאַראייניקן זיך ביידע יידישע טרופּעס אין לאָדזש אין 2 באַזונדערע טעאַטערס אונטער דער דירעקציע פון יוליוס אַדלער, הערמאַן סיעראַצקי, מ. ד. וואַקסמאַן און יוליאַ זאַנדבערג. אין 1918 ווערט וו. אויף אַ קורצער צייט זעלבשטענדיקער דירעקטאָר פון לאָדזשער גרויסן טעאַטער,

שפּעטער פון קאָלאָסעאום-טעאַטער, דאַן אין טאַליאַ-טעאַטער. אין 1920 גאַסטראָלירט וו. אין פּאַריז אין זיין שוועסטער פּעניס טרופּע, אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן-טעאַטער און פאָרט אָפּ מיט אַ קליינער טרופּע קיין אַנטווערפּן. דערנאָך שפּילט ער ווידער אין לאָנדאָן, וואו ער פירט אויף אין ענגליש די פּיעסע „דער גלח און דער ייד". שפּעטער פאָרט וו. קיין אַמעריקע, וואו ער אָרגאַניזירט דעם טורנעע פון שוואַרצס קונסט-טעאַטער פאַר לאָנדאָן, און פאָרט צוריק קיין אַמעריקע, וואו ער שפּילט אייניקע חדשים אין שיקאַגאָ און טאָראָנטאָ. שפּעטער אָרגאַניזירט וו. אַ טרופּע, מיט וועלכער ער שפּילט איבער דער פּראָווינץ פּיעסן אויף ענגליש מיט אַ יידישן אינהאַלט.

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 152, 198, 199.

מ. מיאָדאָוניק — מיינע טעאַטער זיכרוינעס, „דער שטערן", זשורנאַל, מינסק, 2-3, 1926.

וואַקסמאַן, פּעני

געב. 14 פעברואַר 1878 אין לאָדזש, פּוילן. געלערנט אין אַ פאָלקס-שול. געהאַט אַ סאָפּראַן שטים, און צו 11 יאָר האָט זי איר מוטער אַריינגעגעבן אַלס כאָריסטין אין דער טרופּע וויינשטאָק-שאָר, וועלכע האָט דאַמאָלט גאַסטראָלירט אין לאָדזש.

אין 1889 פאָרט זי מיט אירע עלטערן קיין לאָנדאָן, וואו זי טרעט אַריין אַלס כאָריסטין אין וויינקאַרט-טעאַטער אונטער דער לייטונג פון דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר יאַריכאָווסקי און ווען צופעליק קומען ניט צו דער פאָרשטעלונג פון „אחשורוש" ביידע פּרימאַדאָנאַס, מוז וו. „אַריין" אין דער ראָל „אסתר המלכה" און פון דאַמאָלט אָן ווערט זי פּרימאַדאָנאַ, דעביוטירנדיק אויף יידיש אין „טראַוויאַטאַ". פון לאָנדאָן פאָרט זי מיט יאַריכאָווסקין אויף 15 חדשים קיין מאַנטשעסטער, וואו זי שפּילט אויך אַ געוויסע צייט אויף דער ענגלישער בינע.

מיט דער כונה צו פאַרלאָזן די בינע האָט זי אין 1894 חתונה מיט דעם שפּעטערדיקן טעאַטער-דירעקטאָר בלומענטאַל, אָבער אַרויסטרעטנדיק אויף פאָרשטעלונגען פאַר וואוילטעטיקע צוועקן ווערט זי ווידער אַריינגעצויגן אין טעאַטער.

שפּעטער פאָרט וו. קיין דרום-אַפריקע צו איר ברודער משה דוד און שפּילט מיט אים אַ קורצע צייט. דערנאָך ווערט איר מאַן אַ שותף פון דער דירעקציע, און זי בלייבט דאָרט 3 יאָר אַלס דראַמאַטישע אַקטריסע.

אין 1903 קומט וו. צוריק אין לאָנדאָן, וואו זי טרעט אַריין אין חברים-טרופּעס. אין 1904 קומט קיין לאָנדאָן איר ברודער און צוזאַמען פירן זיי די דירעקציע פון סטאַנדאַרט-טעאַטער, וואו זיי שפּילן נאָר אַ קורצע צייט. פון דאָרט גייען זיי איבער שפּילן אין פּאַוויליאָן-טעאַטער, וואָס ווערט צוליב דער אויסגעשפּראָכענער יידישער געגנט פון ווייטשעפּעל, פאַרוואַנדלט אין אַ יידיש טעאַטער, אין וועלכן ס'ווערן פאַרשמאָלצן ביידע יידישע טרופּעס, וואָס האָבן זיך דאַמאָלט געפונען אין לאָנדאָן.

שפּעטער שפּילט וו. אין פּאַריז, איבער דער ענגלישער פּראָווינץ, און 3 יאָר אויף דער ענגלישער בינע אין לאָנדאָן און אין דער פּראָווינץ.

אין 1910 טרעט זי אויף אין אַנטווערפּן, דערנאָך ווידער אין ענגלאַנד צוזאַמען מיט אַדלער, מאָשקאָוויטש און טש. נאַטאַנסאָן. דאַן פאָרט זי ווידער קיין פּאַריז און צוריק קיין לאָנדאָן, וואו זי באַטייליקט זיך אין דעם ניי-געעפנטן פיינמאַן-טעאַטער.

אין 1912 האָט זי בשותפות מיט מאָשקאָוויטש אַ יידישע טרופּע אין לאָנדאָן, אָבער נאָך אַ האַלב יאָר פאָרט זי קיין בוענאָס-איירעס, פון דאָרט קיין בראַזיליע, און דערנאָך קיין פּוילן און רוסלאַנד.

אין 1914 שפּילט זי אונטער איר אייגענער דירעקציע אין פּאַוויליאָן-טעאַטער אין לאָנדאָן, און אין מלחמה-צייט אין פּאַריז, וואו זי ווערט אַ מיטגרינדערין פון „פּרץ טעאַטער". באַלד נאָך דער מלחמה שפּילט זי ווידער אין לאָנדאָן און איבער דער ענגלישער פּראָווינץ אונטער איר מאַנס דירעקציע, אין 1927 אין פּאַריז, 1928-9 אין בעלגיע.

מ. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 151-2.

וואַקסמאַן, ראָזאַ
[רחל דינטענפּאַס]

געבוירן 1874 אין קעלנאָוויץ, גאַליציע, ביי פאַרמעגלעכע עלטערן. נאָך אַלס קינד פלעגט וו. זיך „פאַרשטעלן" און זינגען לידער. נאָך איר חתונה מיטן אַקטיאָר לעאָן מאַנדעלטאַרט, פאָרט זי מיט אים קיין אַמעריקע. דאָ עפענען זיי אין ניו-יאָרק אַ טעאַטער אויף גרענד-סטריט, וואו זיי פירן אויף גאָלדפאַדענס פּיעסן. נאָכן שפּילן 6 יאָר אין אַמעריקע, פאָרט וו. מיט איר מאַן קיין דרום-אַפריקע, וואו זי טרעט אַרויס אַלס פּרימאַדאָנע. צוליב איר מאַנס קראַנקהייט פאָרט זי אין 1899 קיין ווין און נאָך זיין טויט קומט זי אין לאָנדאָן, וואו זי שפּילט מיט מ. ד. וואַקסמאַן, און נאָכדעם ווי זי האָט מיט אים חתונה, פאָרט זי מיט אים אין 1901 קיין דרום-אַפריקע, שפּילט דאָרט אייניקע יאָר, פאָרט צוריק קיין לאָנדאָן, און ציט זיך צוריק פון דער בינע.

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." II, ז. 198.

ה. הערש — אידיש טעאַטער אין דרום-אַפריקע, „דרום אַפריקע", 5, 6, 1928.

וואַראָן, ליזאַ

געבוירן 1894 אין ירושלים, ארץ-ישראל, ביי ספרדישע עלטערן, קאָלאָניסטן. אין עלטער פון 6 יאָר אַוועק מיט איר ברודער אויפן אינזל ציפּערן, וואו זי איז געווען ביז 12 יאָר און צוריקגעפאָרן קיין א"י. דאָ באַטייליקט זיך וו. אין די אָרטיקע העברעאישע ליבהאָבער-פאָרשטעלונגען, דערנאָך פאָרט זי אָפּ קיין עגיפּטען, ווערט אַקטיוו אין אָרטיקן רוסיש-יידישן אימיגראַנטן-קלוב, וואו זי לערנט זיך אויס יידיש און באַטייליקט זיך אין די דאָרטיקע יידישע ליבהאָבער-פאָרשטעלונגען.

צוריקגעקומען אין ארץ-ישראל טרעט וו. אַריין אין דער דאָרטיקער „הבימה העברית", וואו זי שפּילט פּראָפעסיאָנעל 3 יאָר. שפּעטער פאָרט וו. קיין פראַנקרייך און שווייץ, שפּילט דאָרט יידיש טעאַטער און אין מלחמה-צייט קומט זי אין אַמעריקע, וואו זי שפּילט אייניקע פאָרשטעלונגען מיט קעסלער, ווערט אַריינגענומען אין דער יוניע און שפּילט אַ סעזאָן אין שניצערס קונסט-טעאַטער און נאָך אַ הפסקה — אין „אונזער טעאַטער", אוירווינג פּליים קונסט-טעאַטער און אַמפּיאָן-טעאַטער.

וו. האט זיך אויך באטייליקט אין די צופעליקע העברעאישע פארשטעלונגען אין ניו-יארק.

ש. ע.

י. ע. — מאדאם ליזא ווארא׳ס גלענצענדע „עטעניו פריעדלענדער", „דיא ווארהייט", נ. י., 7 יולי, 1917.

דר. י. ווארטסמאן — א נייע קראפט פאר׳ן טהעאטער, „טאג", נ. י. 7 יולי, 1917.

י. ע. — מאדאם ליזא ווארא אלס „טאמארא" אין פינסקי׳ס „יאנקעל דער שמיעד", „דיא ווארהייט", 29 סעפט. 1917.

י. ענטין — אין און ארום טעאטער, „דיא ווארהייט", 28 אקטאבער 1917.

ווארדי, דזשוליא

[יהודית האבערמאן]

געבוירן אין בודאפעסט, אונגארן. עלטערן — צירונג-סוחרים. נאך אלס קינד זיך באטייליקט אין שול-פארשטעלונגען, דערנאך אנגאזשירט געווארן אלס קינדער-ראליסטין אין אונגארישן אפערעטן-טעאטער, וואו זי שפילט 7 יאר. ווען די פאמיליע טראגט זיך שפעטער איבער קיין ווין, טרעט וו. אריין אין ווינער קארל-טעאטער, וואו זי שפילט 2 יאר אויף דייטש יוגנטלעכע סוברעטן-ראלן.

1913 קומט וו. מיט איר פאמיליע אין אמעריקע און שפילט דא 2 יאר מיט דער דייטשער אפערעטן-טרופע אין אירווינג פליים-טעאטער, דערנאך 2 וואכן אין יידישן וואדעוויל און טרעט אריין אין אונגארישן וואנדערנדיקן אפערעטן-טעאטער, אין וועלכן זי שפילט אייניקע יאר. נאך 2 סעזאנען אין א ענגלישן וואדעוויל, גייט וו. איבער צו דער יידישער בינע, שפילנדיק 2 חדשים אין לענאקס-טעאטער, הארלעם, אייניקע חדשים ביי ס. ב. גראסמאן אין קליוולאנד און צו סעזאנען אין לאס-אנדזשעלאס ביי סעם אויערבאך, אין טאראנטא ביי יוליוס אדלער, 1928-29 — אין וויניפעג און 1929-30 אין פיטסבורג.

מ. ע.

ווארדי, דוד

[ראזענפעלד]

געב. 13 יולי 1893 אין וואלאטשיסק, וואלין. געלערנט אין א חדר, און נאך אלס קינד נאכגעמאכט די ליאלקעס, וועלכע פלעגן שפילן אויף די ירידים אין שטעטל, דערנאך באטייליקט זיך אין חדר-מתוקן אין די העברעאישע קינדער-פארשטעלונגען לכבוד חנוכה און פורים און נאכגעמאכט די גאסטראלירנדיקע אוקראאינישע אקטיארן. צו 12 יאר געגעבן העברעאישע לעקציע און אוועקגעפארן צו זיין זיידן אין אלט-קאנסטאנטין, וואו ער באטייליקט זיך אין „יוגנט קולטור-קלובן" א. ד. ג.

אין 1910 אריינגעטראטן אין יפוער העברעאישער גימנאזיע, און זיך דארט באטייליקט אין די העברעאישע ליבהאבער-פארשטעלונגען אלס איינער פון די אנפירער פון „ועדת החזיונות", און אויך אפט ארויסגעטראטן מיט אייגענע הומארעסקעס און מיט פארלעזונגען פון העברעאישע און יידישע דערציילונגען.

צוריקגעפארן אין 1914 קיין רוסלאנד צו זיינע עלטערן, ווערט וו. דארט פארכאפט פון דער מלחמה, און נאכדעם ווי ער טרעט ארויס אין פארשיידענע שטעט מיט אייגענע „אוונטן", פארט ער קיין מאסקווע, און טרעט אריין אין דער ערשט געגרינדעטער „הבימה", וואו ער שפילט ביז 1923 (ארויסטרעטנדיק צ. א. אין „דבוק" אלס „צדיק"), איז מיטרעזשיסער מיט מעטשעדלאוון אין פינסקיס „אייביקער ייד", געהילף-רעזשיסער ביי וואכטאנגאוון אין „דבוק" און גלייכצייטיק רעזשיסער פון דער סטודיע „כנופיה", וועלכע באשטייט פון יונגע שילער פון „הבימה".

אין אקטאבער 1923 מאכט וו. א טורנעע איבער לעטלאנד, ליטע, עסטלאנד און ארץ-ישראל מיט אייגענע „אוונטן", און אין אפריל 1924 קומט וו. אין אמעריקע, וואו ער טרעט ארויס אייניקע מאל מיט זיין פראגראם. 1925 — אריינגעטראטן אין „אונזער טעאטער", און נאכדעם ווי דאס טעאטער פארמאכט זיך, נעמט זיך וו. ווידער צו זיינע „אוונטן" איבער קאנאדע און אמעריקע. אקטאבער 1925 פירט וו. אויף צוזאמען מיט אלסבערג אנסקים „דבוק" אויף ענגליש אין נייבארהוד פלייהויז, און שפעטער מיט אנדערע פערסאנאלן אין אנדערע שטעט. אין 1927 געגרינדעט צוזאמען מיט חוה יאעליט א טעאטער-סטודיע אויף זייער נאמען, וועלכע האט געגעבן אייניקע אויפפירונגען.

וו. האט אויך צוזאמען מיט יאעליט פארפאסט די מאסן-שפילן „די חלוצים" (אויפגעפירט אין 1927 אין נוארק) און „דאס היימישע שטעטל" (אויפ. 21 אפריל 1928 אין ניו-יארקער מעקא טעמפל) און באארבעט אנכים דראמע „די גילדענע פאווע".

ש. ע.

ווארדי-יאעליט-טעאטער-סטודיא

די סטודיא איז געגרינדעט געווארן דעם 16 יוני 1927 אין ניו-יארק דורך דוד ווארדי און חוה יאעליט. די ערשטע גרופע שילער איז באשטאנען על פי רוב פון ארבעטער פון נוארק, ניו דזשוירסי. אין נאוועמבער 1927 איז די סטודיע איבערגעטראגן געווארן אין בנין פון „האיאס" און דעם 25 פעברואר 1928 איז

דארט אויפגעפירט געווארן ז. י. אנכים 3 אקטיקע דראמע „די גילדענע פאווע", באארבעט און רעזשיסירט דורך ווארדי און יאעליט (געשפילט געווארן 37 מאל). אין סעפטעמבער 1928 האט די סטודיע אנגעהויבן איינארדנען יעדן שבת-אוונט טעאטראלע „מלוה-מלכהס", אויף וועלכע ווארדי און די באזוכער גופא טרעטן ארויס מיט פארשיידענע נומערן און באטייליקן זיך אין די דיסקוסיעס וועגן טעאטער.

די צווייטע אויפירונג פון דער סטודיע איז געוועזן הערי סעקלערס דראמאטישער עטיוד „דער זעהער זעט זיין כלה" און שלום-

עליכםס „מזל-טוב“, געשפּילט דעם 28 אַפּריל 1929 אין מאַרטין בעק טעאַטער אויף בראָדוויי, רעזשיסירט דורך וואַרדי און יאָעליט. די פאָרשטעלונג איז דערנאָך איבערגעפירט געוואָרן אין לאָקאַל פון דער סטודיע.

די סטודיע האָט צום יאָר פון איר עקזיסטענץ אַרויסגעגעבן אַ טעאַטער-זשורנאַל א״ט „וואַרדי-יאָעליט-סטודיאָ-בלעטלאַך“, רעדאַקטירט פון אב. גאָלדבערג, דער פּרעזידענט פון קאָמיטעט פון 100 פּערזאָן, וועלכע אונטערשטיצן די סטודיע.

אין דער סטודיע ווערן דורך וואַרדי און יאָעליט געלערנט: טעכניק פון שפּילן, דיקציע, מימיק, גרים, רעזשי, אַנאַליז פון אַ פּיעסע, בינע-באַלייכטונג, אימפּראָוויזאַציע, קינסטלערישע אינטערפּרעטאַציע א. ד. ג.

ביי דער סטודיע איז אויך פאַראַן אַ קינדער-גרופּע.

צום סעזאָן 1929-30 — איז די טעטיקייט פון דער סטודיע צייטווייליק אָפּגעשטעלט געוואָרן.

ש. ע. פון דוד וואַרדי.

„וואַרדי-יאָעליט-סטודיאָ-בלעטלאַך“, נ. י. 28 אַפּריל 1929.

ב. באָטוויניק — די ורדי-יואלית טעאַטער-סטודיא, „צוקונפט“, אַפּר., 1929.

א. פרומקין — די וואַרדי-יאָעליט טעאַטער סטודיאָ, „מאָ״זש“, נ. י. 30 מאַי 1929.

וואָרטסמאַן, יחזקאל דר.

געבוירן 1878 אין זוואַניעץ, פּאָדאָליער גוב. ביי פאַרמעגלעכע עלטערן. באַקומען אַ היימישע דערציאונג, דערנאָך שטודירט אין שווייץ און שטראַסבורג און געענדיקט באַזעלער אוניווערזיטעט אַלס כעמיקער.

בעת זיין שטודיום אין בערן, איז וו. געווען אַ מיטגרינדער פון דאָרטיגן ערשטן ציוניסטישן אַקאַדעמישן פאַריין, אַ שטענדיקער קאָרעספּאָנדענט פון בוקאַרעסטער יידישן וואָכנבלאַט „היועץ“, אַן אָפטער מיטאַרבעטער פון יידישע צייטשריפטן אין רוסלאַנד, גאַליציע און רומעניע, שפּעטער רעדאַקטאָר פון אַ יידישער מאָנאַט-שריפט „די יודישע צוקונפט“ אין לאָנדאָן און מיטאַרבעטער פון „דער טעלעגראַף“ אין וואַרשע, וואו ער האָט געשריבן קריטיק וועגן יידישן טעאַטער. צוליב אַ פּרעסע-פּראָצעס געמוזט פאַרלאָזן רוסלאַנד, איז וו. אין 1907 אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער איז געווען אַקטיוו אַלס זשורנאַליסט, צייטונג-אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר.

אין 1911-12 האָט וו. געשריבן טעאַטער-קריטיק אין „קענעדער אָדלער“, אין 1918-9 איז ער געווען דער טעאַטער-קריטיקער אין ניו-יאָרקער „דער טאָג“ און אין 1926 האָט ער אין דער „קאַליפאָרניער אידישע שטימע“ אָפּגעדרוקט זיינע אַ 3-אַקטיקע דראַמע „דער קינסטלער“ ווי אויך אַן איבערזעצטן איינאַקטער „דער האָלדאַפּניק“.

מ. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 915-17.

וואַרמאַן, [?]

וו. האָט זיך באַטייליקט אין די יידישע פאָרשטעלונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין 1868-70 אין וואַרשע אונטער דער דירעקציע פון גדליה בעלוויא. אין דער פּיעסע „יעקב מיט זיינע זין“, וועלכע איז געשפּילט געוואָרן אין צוויי אָונטן, האָט וו. [לויט דער „איזראַעליטאַ“] געזונגען די ראָל פון „יעקב“.

וו. איז מסתמא [לויט דר. י. שאַצקי] געווען דער הויפּטשפּילער פון דער טרופּע, ווייל „אין אַן אַנאָנס ווערט ער שטאַרק געלויבט פאַר שפּילן די ערשטע ראָל אין דער פאָרשטעלונג לטובת דער „אַכראָנקע“ (22 מערץ 1870), פון וואָס דאָס פּובליקום איז געווען זייער צופרידן“. דעם 17 אַפּריל 1870 האָט די טרופּע געשפּילט אין זאַל אַלקאַזאַר אַ פאָרשטעלונג לטובת וו. [בענעפּיס].

דר. יעקב שאַצקי — צושטייער צו דער געשיכטע פון דעם פאַרגאָלדפאַדענישן טעאַטער, „יידיש טעאַטער“, וואַרשע, 3-4, 1927, זז. 293, 298.

וואָרקעל, מ.

געבוירן 1878 אין וואָרקליאַן, רעזשיצער קרייז, ווייסרוסלאַנד, אין אַן אָרימער פאַמיליע. צו 5 יאָר געבליבן אַ יתום, קומט אויס וו.'ן צו „עסן טעג“ און זיך וואַלגערן אין תלמוד-תורהס איבער שטעט און שטעטלעך פון ליטע. שוין אַלס קינד געהאַט אַ שם אין דער געגנט צוליב זיינע געמאָלטע און געשניצטע מזרחס און מצבות. אין עלטער פון 13 יאָר זיך געלערנט אין דווינסק אַלס שילדנמאַלער, איבערגעגאַנגען פון איין מייסטער צום אַנדערן, ביז ער קומט אָן אין אַ שול פאַר קונסט-מאָלעריי, באַזוכנדיק אויך אַ קורצע צייט דראַמאַטישע קורסן. באַלד אָבער רייסט וו. איבער די למודים, נעמט זיך פאַר אַרבעט און אין פרייער צייט גיט ער זיך אָפּ מיט „ליבהאָבער“-פאָרשטעלונגען.

1899 — פירט אויף וו. אין לוצין, וויטעבסקער גוב. „בר-כוכבא“ און שפּילט „אליעזר“. 1900 פירט ער אָן אין ריגע מיט די דראַמאַטישע קרייזן ביים „בונד“, ביים פאַריין „כרמל“ און דערנאָך „עבריה“. (דער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון שלום-עליכם, פּרץ, מענדעלע, רייזען, פּינסקי, ארנשטיין און אייניקע גאָרדינס פּיעסן ווי אויך פון אייניקע דראַמאַטיזירונגען, באַאַרבעטונגען און ספּעציעל אָנגעשריבענע זאַכן פון די קרייז-מיטגלידער אַדאָלף מייזעל, דוד דרוק (ווילי בראַנד), מאַריאַסין א. א.).

1914 — רעזשיסירט וו. (און באַטייליקט זיך אויך אַלס אַקטיאָר) די פילמען „שמע ישראל“ און „שוסטער ליבע“ אין דער קינאָ-פירמע „מינטום“.

צוליב דער מלחמה אָנגעקומען אין כאַרקאָוו, אָרגאַניזירט דאָרט וו. אין 1916 אַ „ליבהאָבער“-גרופּע, מיט וועלכער ער שפּילט אין אַרבעטס-הויז. 1917 — אָרגאַניזירט ער און פירט אָן מיט דער „ערשטע יידישע אַרבעטער-בינע“ ביים „גראָסער-קלוב“, וועלכע פירט אויך אויף די שאַפונגען פון די אייגענע קרייז-מיטגלידער ביינוש שטיימאַן, ש. ראַסין, מאַיסקי, ד. קרישטאַל א. א.

1920 — גרינדעט וו. אַ דראַמאַטישע גרופּע „פּראָלעטאַרישע קונסט“ ביים קלוב „דריטער אינטערנאַציאָנאַל“, מיט וועלכער ער פירט אָן ביז 1924.

1921 — העלפט וו. אָרגאַניזירן די „ערשטע יידישע מעלוכישע טעאַטער-סטודיע“ אין כאַרקאָוו און ווערט אויסגעקליבן פאַרן פירער פון דער סטודיע.

זייט 1924 פירט אָן וו. מיט אַ דראַמאַטישן קרייז אין קאַלינין-קלוב און גלייכצייטיק — זייט 1926 — מיטן דראַמקרייז „שטאָלענער נאָדל“.

ש. ע.

ה. בארו — „שער און אייזן“ אַף דער בינע, „דער שטערן“, כאַרקאָוו, 5 יוני 1929.

וואַרשאַווסקי, יצחק-מאיר
[איסעראָווסקי]

געבוירן 1890 אין וואָדיסלאַוו, קעלצער גוב., פּוילן, ביי חסידישע עלטערן. באַקומען אַ שטרענג-אָרטאָדאָקסישע דערציאונג און, נאָכן איבערטראָגן זיך אין לאָדזש, גענאָסן אַן עלעמענטאַרע בילדונג. די בינע-קאַריערע אָנגעהויבן אַלס פּויליש-יידישער קופּלעטיסט און דערנאָך געשפּילט אַ סעזאָן פּויליש מיט די אַקטיאָרן לודווינסקי און שאַטלאַנד. 1914 — אַריינגעטראָטן שפּילן יידיש אין לאָדזשער גרויסעם טעאַטער (דיר. מ. ד. וואַקסמאַן און איטע זאַנדבערג), 1916-20 — געשפּילט ביי יוליוס אַדלער און ה. סיראַצקי אין וואַרשע, לאָדזש און אין טורנעע איבער רוסלאַנד, 1921 — אין קאָוונער פאָלקס-טעאַטער (דיר. נ. ליפּאָווסקי). בעת דער ליטווישער באַזעצונג פון ווילנע האָט וו. געפירט אין ווילנער שטאָט-זאַל אַ דירעקציע מיט פסח בורשטיין, 1923 — געשפּילט מיט חנה לערנער און דוד זיידעמאַן אין פּאַריז, 1924 — אָפּגעפאָרן קיין דרום-אַמעריקע און אָנגעפירט מיטן יידישן טעאַטער אין בראַזיליע. 1926 — געשפּילט אין טעאַטער אַמבאַ אין בוענאָס-איירעס (לייט. — ר. זאַסלאַווסקי) און דאָ אַרויסגעטראָטן אין טעאַטער-קאַמף קעגן די טמאים-באַזוכער, דערנאָך געשפּילט אין יידישן פאָלקס-טעאַטער און מיט די גאַסטראָליאָרן יוליוס אַדלער און אַברהם מאָרעווסקי, 1928-9 — אין טעאַטער אָלימפּיאַ (דיר. א. מידע).

וו. שרייבט קופּלעטן אויף אַקטועלע טעמעס און האָט אָפּגעדרוקט אייניקע טעאַטער-עפּיזאָדן.

יי. איז געווען אַ מיטגליד אין אַרגענטינער פאַרלאַגס-קאָמיטעט פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער".

ש. ע.

וואַרשאַווסקי, פּייוול
[איסעראָווסקי]

געבוירן 8 יולי 1897 אין וואָדיסלאַוו, קעלצער גוב., פּוילן. זיין זיידע פון דער מוטערס צד — קעלצער רב ר' וועלוועלע טרייסטמאַן, אַן עלטער-פעטער פון גערער רבי דעם „שפת אמת".

געלערנט אין מאַקאָווער ישיבה, אויך גענאָסן אַביסל וועלטלעכע בילדונג. 1910 געקומען אין לאָדזש און געלערנט אין קאָנשטאַטס שול, 1911 אָנגעהויבן אַרבעטן ביי אַ טאַמבורירער. אין דער זעלבער צייט סופלירט ליבהאָבער-פאָרשטעלונגען מיט יעדוואַבן בראָש. אין 1913 אַרויסגעפאָרן איבער דער פּוילישער פּראָווינץ אַלס פּראָפעסיאָנעלער סופלער מיט דער טרופּע אייזיקאָוויטש און נאַטאַנסאָן. די ערשטע מלחמה-יאָרן סופלירט ביי וואַקסמאַן און קוטנער אין דער פּוילישער פּראָווינץ, און דערנאָך אין טעאַטער צענטראַל אין וואַרשע, שפּעטער ווידער אין לאָדזש אין גרויסן טעאַטער ביי קאַמפּאַניעץ.

וו. איז געווען קאַסירער פון דער ערשטער פאַרוואַלטונג פון יידישן אַרטיסטן-פאַריין אין פּוילן.

אין 1920 געפאָרן קיין פּאַריז, געוואָרן אַן אַקטיאָר און שפּעטער אויך געשפּילט אין אַנטווערפּן צוזאַמען מיט מ. ד. וואַקסמאַן, יוסף שערמאַן און סילוויאַ. אין 1923 געוואָרן פאַרוואַלטער פון פּאַוויליאָן-טעאַטער אין לאָנדאָן, 1927 — פאַרוואַלטער פון בלומענטאַלס טרופּע אין פּאַריז, און 1928-9 מיטדירעקטאָר פון אַ יידישער טרופּע אין פּאַריז.

ש. ע.

וואַרשע, משה
[געב. 1887 — געשט. 22 אַפּריל 1912]

געבוירן 1887 אין אַנטאָפּאָל, גראָדנער גובערניע, פּויליש-ליטע. דערצויגן געוואָרן אין פּלאָצק, וואוהין זיינע עלטערן טראָגן זיך איבער. 1906 — עמיגרירט קיין אַמעריקע, געאַרבעט אין שאַפּ, געווען אַ ציימונגס-פאַרקויפער; די לעצטע חדשים פון זיין לעבן געווען אַ הויזוועכטער. געלעבט אַסקעטיש, אויסגעמיטן מענטשן און געפּייניקט פון קערפּערלעכער און גייסטיקער קראַנקהייט, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דעם 22 אַפּריל 1912.

וו. האָט צוזאַמען מיט ק. טעפּער איבערזעצט טשעכאָווס „דער קאַרשן-גאָרטן", „דער וואַסער-פויגל" („טשאַיקאַ") און „דער אָנקל וואַניאַ" (פ"ג מייזעל עט קאָ. ניו-יאָרק).

זלמן רייזען — „לעק. ייד. ליט." I, זז. 923-4.

וויגאָדסקי, יעקב דר.

געבוירן 3 אַפּריל 1857 אין באַברויסק, מינסקער גוב., ווייסרוסלאַנד. פאָטער — ליפעראַנט ביים רוסישן מיליטער, אַ חסיד. געלערנט אין חדר און דערנאָך אין ישיבה. צו 9-10 יאָר געשריבן העבראַאישע שירים. אַלס אויטאָדידאַקט אָנגעקומען אין 5-טן קלאַס פון דער קלאַסישער גימנאַזיע אין מאַריאַמפּאָל, דערנאָך שטודירט אין דער מעדיציניש-כירורגישער אַקאַדעמיע אין פּעטערבורג. פּראַקטיצירט אין פּעטערבורג און אין ווין און אין 1884 זיך באַזעצט אין ווילנע, וואו ער ווערט נאָך דער וועלט-מלחמה איינער פון די טעטיקסטע געזעלשאַפטלעכע עסקנים.

וו. איז געווען איינער פון די הויפּט-שטיצער פון דער „ווילנער טרופּע" בעת איר ערשטע שריט, דערנאָך דער גרינדער און פאָרזיצער פון דער „יידישער טעאַטער געזעלשאַפט" אין ווילנע, וועלכע האָט געהאַט אַן אייגענע טרופּע. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט פיל אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I זז. 925-7.

אגרא — 70-יאָהריגער יובילי פון ווילנער דעפּוטאַט, קהלה-פאָרזיצער און ציוניסטישער עסקן דר. י. וויגאָדסקי, „נייער היינט", 12 אַפּריל 1927.

ווידאָוו, סאָניאַ

געבוירן 23 אַפּריל 1899 אין ווילנע, פּויליש-ליטע. פאָטער — האָלץ-סוחר. געלערנט אין אַ חדר און דערנאָך געענדיקט אַ 4-קלאַסיקע שול. אַלס קינד געטאַנצט אַ סעזאָן אין אַ רוסישער אָפּערעטן-טרופּע. אין עלטער פון 13 יאָר געקומען צו קרובים אין אַמעריקע. דאָ לערנט וו. אין פּאַבליק-סקול און ווערט אַ מיטגליד אין „יוניייטעד דראַמאַטיק קלאַב", דעבויטירנדיק אַלס „פּאַניטשקע" אין שלום עליכמס „מענטשן". דערנאָך פאָרט זי אַרום 5 יאָר מיט אַ פּראָפעסיאָנעלער טרופּע איבער דער פּראָווינץ, שפּעטער שפּילט זי 2 סעזאָנען אין וויניפּעג און צו סעזאָנען אין קאַליפאָרניע און אין פילאַדעלפיע ביי טאָמאַשעווסקי.

מ. ע.

ווידרעוויטש, מ. ד.

געבוירן 18 יאַנואַר 1867 אין וויטעבסק, ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַ סוחר, האָט אים געגעבן אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג. נאָך דער חתונה זיך געפּרובט נעמען צו מסחר, אָבער נישט געהאַט קיין הצלחה און איז אין משך פון 30 יאָר לערער פון העברעאיש אין

וואַרשע. פון צייט צו צייט געשריבן פאַרשיידנס אין דער העברעאישער און יידישער פּרעסע.

ו. האָט פאַרעפנטלעכט די איינאַקטערס „איטשע מאיר געהט צו די וואהלען", „די יודישע גמינע" און „דער שומר", וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרן פון יידישן טעאַטער אין פּוילן.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, ז. 927.

ווייזענפעלד, לעאָן

געבוירן 7 פעברואַר 1885 אין זשעשאָוו, גאַליציע, ביי פרומע עלטערן. געלערנט אין חדר און פּריוואַט ביי לערער. אין עלטער פון 14 יאָר אויסגעוואַנדערט קיין דייטשלאַנד און 5 יאָר שפּעטער אָנגעקומען צו זיין ברודער אין אַמעריקע. דאָ געווען אַ פּאַרקויפער אין אַ געשעפט און געטאָן אַנדערע אַרבעטן, ביז ער פאָרט צוריק אין 1905 קיין זשעשאָוו. 1908 — אָנגעהויבן מיט יידישער זשורנאַליסטיק און רעדאַקטירט דאָס צווייוואָכנבלאַט „גערעכטיגקייט" און זייט דאָמאָלט רעדאַקטירט פאַרשיידענע אויסגאַבן. 1920 פאָרט ער צוריק קיין אַמעריקע, וואו ער שרייבט אַרטיקלען אין „פאָרווערטס", צ"א אויך וועגן טעאַטער.

1923 — געשריבן אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער אין „דער אידישער וועכטער" אין קליוולאַנד. 1924 — געווען טעאַטער-רעדאַקטאָר פון ברוקלינער וואָכנבלאַט „אונזער צייטונג" און זייט יאַנואַר 1925 — מיטרעדאַקטאָר פון דער קליוולענדער „די אידישע וועלט", וואו ער שרייבט יעדע וואָך וועגן טעאַטער און האָט אויך דאָרט פאַרעפנטלעכט אָפּהאַנדלונגען וועגן אַ צאָל יידישע אַקטיאָרן.

אין 1913 האָט ו. געשריבן די פּיעסע „צוריק צו גאָט" (געשפּילט געוואָרן אין גאַליציע, און אין 1916 געשפּילט געוואָרן אין אַמעריקע מיט אים און י. אויערבאַך אַלס מחברים). די פּיעסע איז דערנאָך דערשינען א"ט „צעריסענע נשמות", לעבענסבילד אין 4 אַקטען, מ. העקל-פאַרלאַג, וויען-ברין, תר"עט (56 ז. 16°). שפּעטער האָט ו. אָנגעשריבן די פּיעסע „ליבע און יחוס" (אויפגעפירט אין די יידישע טעאַטערס פון גאַליציע).

1927-8 איז ו. געווען אַ שותף (צוזאַמען מיט סידני גרינבוים) צום יידישן מעטראָפּאָליטאַן טעאַטער אין קליוולאַנד.

ש. ע.

וויטאַלין, פרידא

[לאַפּין]

געבוירן 5 יוני 1886 אין ווילנע, פּויליש-ליטע. פאָטער — באַזיצער פון אַן עקספּעדיציע-הויז. אַלס קינד געלערנט תנ"ך און העברעאיש, דערנאָך געענדיקט פּראָגימנאַזיע, אַ מיטלשול און צו 21 יאָר אַ צאָנאַרצטלעכן אינסטיטוט אין קיעוו.

נאָך אַלס קינד זיך „פאַרשטעלט" און נאָכגעמאַכט פאַרשיידענע טיפּן. צו 16 יאָר זיך באַטייליקט אין „ליבהאָבער"-פאַרשטעלונגען צוזאַמען מיט בערטאָנאָוו, מאַלסקי א. א.

אין 1910 זיך באַטייליקט אין די „ליבהאָבער"-פאַרשטעלונגען אונטער דער פירונג פון בן-עמי און פּרץ הירשביין.

1915, זייענדיק אין רוסלאַנד, באַטייליקט זיך ו. אין רוסישע „ליבהאָבער"-פאַרשטעלונגען. אין 1920 פאַרלאָזט ו. איר פּראָפעסיע און פאָרט אַפּ קיין קאָוונע, וואו זי באַטייליקט זיך אין אייניקע יידישע פאַרשטעלונגען, 1921 — שפּילט זי אין „יידישער קינסטלער-טעאַטער" אין בערלין (לייטונג — אזרא), דערנאָך מאַכט זי מיט דעם טורנע פון דערדאָזיקער טרופּע איבער די גרעסערע צענטערס פון דייטשלאַנד, בעלגיע, האָלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד. 1923-25 — געשפּילט מיט דער „ווילנער טרופּע" אין ניו-יאָרק און איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ און קאַנאַדע און זיך באַטייליקט אין ניו-יאָרקער „אונזער טעאַטער". 1926-28 — געשפּילט אין „נייער יידישער טעאַטער" אין ריגע און 1929-30 — אַרומגעפאָרן מיט א. שטיינס טייל פון דער „ווילנער טרופּע".

אַמפּלואַ — מוטער- און כאַראַקטער-ראָלן.

ש. ע.

ווײדע, מרים

[ווײדענפעלד]

געבוירן 1897 אין וואַרשע, פּוילן. געענדיקט אַ מיטל-שול און דערנאָך געאַרבעט אין אַ באַנק. אין די אָוונט-שעהן אויפגעטראָטן אין פּויליש אין דער דראַמאַטישער סעקציע פון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע, שפּעטער זיך באַטייליקט אין יידיש אין דער דראַמאַטישער סעקציע ביים „הזמיר" און ווען עס גרינדעט זיך אין וואַרשע „דאָס אַרטיסטישע ווינקעלע", ווערט דאָרט ו. אַ מיטגליד און פאָרט אַרום מיט דער טרופּע איבער דער פּוילישער פּראָווינץ.

1919 — טרעט ו. אַריין אין דער „ווילנער טרופּע", וואו זי שפּילט 2 יאָר און נאָכן באַטייליקן זיך אין דער פּראָווינץ-טרופּע „יונגע בינע", גייט זי איבער אין וואַרשעווער צענטראַל-טעאַטער, באַזוכנדיק גלייכצייטיק פּוילישע דראַמאַטישע קורסן אין וואַרשע.

מיטמאַכנדיק דעם טורנע איבער מערב-אייראָפּע מיט דעם טייל „ווילנער טרופּע", וואָס איז געשטאַנען א"פ פון אזרא, קומט ו. אין 1924 אין אַמעריקע, וואו זי איז אייניקע יאָר פאַרבונדן מיט דער „ווילנער טרופּע" און באַזעצט זיך דערנאָך אין קאַליפאָרניע, וואו זי שפּילט פון צייט צו צייט.

מ. ע.

ווייזענפריינד, מוני

[משולם-מאיר]

געבוירן סעפּטעמבער 1897 [לויט אַ מינדלעכער דערקלערונג צו ז. זילבערצווייג — 1895] — אין לעמבערג, גאַליציע. עלטערן — די אַקטיאָרן פיליפּ און סאַלטשע ווייזענפריינד. נאָכן וואַנדערן איבער גאַליציע געקומען מיט די עלטערן אין לאָנדאָן און פון דאָרט אין 1902 געקומען אין אַמעריקע. דאָ געענדיקט פּאַבליק-סקול, געלערנט 1½ יאָר אין האַי-סקול, געשפּילט וויאָלין און געזאָלט, ווי זיינע צוויי עלטערע ברידער, ווערן אַ פידל-שפּילער.

אין עלטער פון 12 יאָר דעביוטירט אין קליוולאַנדער פּעררי-טעאַ-

טער אין אַ ראָל פון „פּאָלק" אין גאָרדינס „דער יידישער גלח", דערנאָך כמעט כסדר ביזן עלטער פון 19-20 יאָר געשפּילט „יידן מיט בערד" אין פאַרשיידענע פּיעסען, באַזונדערס אין די סקעטשעס „ברודער פּרעזידענט" און „צוויי מתים עסן פרישטאָק".

נאָכן פּאַטערס טויט (1913) ארומגעפאָרן מיט אַ יידישער טרופּע איבער מערב- און מיטל-מערב פון די פאַראייניקטע שטאַטן, שפּילנדיק אין וואָדעווילן און פּיעסען, אָפּט אויך פרויען-ראָלן (ווי „ביילע" אין גאָרדינס „די קרייצער סאָנאַטאַ").

אין ניו-יאָרק דעביוטירט וו. ביי לאַנפעלד אויפן רוף-גאַרדען פון סעקאָנד עוועניו טעאַטער, וואו ער שפּילט 10 וואָכן און ציט צו די אויפמערקזאַמקייט פון קעסלער און שוואַרץ. ער ווערט דערויף אַנגאַזשירט צו קאָליך אין באָסטאָן, אָבער אַזוי ווי דאָס טעאַטער פאַרמאַכט זיך באַלד צוליב דער פלו-עפּידעמיע, טרעט ער אַריין אין פילאַדעלפיע אין אַ יידישן וואָדעוויל, פון וואַנען ער ווערט אַנגאַזשירט (1919-20) אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער, שפּילנדיק אין ערשטן סעזאָן נאָר עפּיזאָדן-ראָלן ווי „זאַזולי" אין שלום-עליכםס „טוביה דער מילכיקער", א. ד. ג. אָבער שוין אין 1920-1 מאַכט וו. אין דעמזעלבן קונסט-טעאַטער אַ גרויסן רושם מיט זיין פאַרקערפּערן „איוואַנאָוו" אין שלום עליכםס „שווער צו זיין אַ ייד".

נאָך זיין חתונה מיט דער אַקטריסע בעלאַ פינקעל געשפּילט 22-1921 אין סעקאָנד-עוועניו טעאַטער אין אָפּערעטן-רעפּערטואַר, מיט סעינט קלעיר, 1922-23 — ווידער אין קונסט-טעאַטער, וואו ער שפּילט די טיטל-ראָל פון אַשם „מאָטקע גנב", „אָסיפּ" אין גאָגאָלס „רעוויזאָר", „דוד לייזער" אין אַנדרעיעווס „אַנאַטעמאַ" און „קאָפּל" אין שלום עליכםס „גרויסע געווינס", 1923-24 אין קאָאָפּעראַטיוון אורווינג פּליים-טעאַטער (אין סעקלערס „יוסי פון יוקרת", זאָלאָטאַרעווסקיס „די שפּין און די פליג", אַלס „דאָקטאָר" אין ליבינס „שלעכט אָן געלט" און „דער דאָקטאָר" אין יעווּרעאינאָווס „די הויפּטזאַך".

1924—האָט וו. טיילוויז זיך באַטייליקט אין אייראָפּ. טורנעע פון ייד. קונסט-טעאַטער און 1924-25 — ווידער געשפּילט אין קונסט-טעאַטער אין ניו-יאָרק, וואו ער טרעט אַרויס אין בערקאָוויטשעס „מאָשקע חזיר" („דיאַק פּיאַטאַק"), ראָלאַנס „וועלף" („ד'אַראַן"), גאָטעספעלדס „ווען שטאַרבט ער?" („פּאָבליסיטי-אַגענט") און גאָרינס „אין יעדן הויז" („פּאָטער"). 1925-26 — שפּילט וו. אין געבילס פּיפּלס-טעאַטער אַלס „פּאָטער" אין געבילס „וואָס וועלן מענטשן זאָגן?". 1926-27 — אַלס „זיידע" אין סיגעלס אָפּערעטע „דער גאָרטן פון ליבע" אין נייציאָנאַל-טעאַטער און פון דאָרט איבערגעגאַנגען אויף דער ענגלישער בינע, וואו ער שפּילט ביז 1928 די הויפּט-ראָלן אין די פּיעסען „ווי אַמעריקענס" און „פּאָר וואָלס".

1928 פאַרלאָזט וו. די בינע און ווערט אַנגאַזשירט אין דער פאָקס-פילם-סטודיע אין האָליוואוד, וואו ער פילמט אַ"נ פּאָול מוני.

מ. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." II, ז. 249.

מ. אָשעראָוויטש — ווי דער אַמעריקאַנער באַי מוני ווייזענפריינד איז געוואָרן אַ אידישער אַקטיאָר, „פאָרוו.", 3 דעצ. 1920.

אַ באָסטאָנער — אַ פּיעסע וואָס איז געשפּילט געוואָרען הינטער דער ביהנע רעאַליסטישער ווי אויף דער ביהנע . . . , „פאָרוו", 31 אויגוסט, 1923.

הלל ראָגאָף — צוויי פּיעסען אין אורווינג פּלייז־טהעאַטער, „פאָרוו.", 5 אָקט. 1923.

דוד אידעלסבערג — מוני ווייזענפריינד אין „מאָטקע גנב", „די אידישע וועלט", קליוולאַנד, 9 מערץ, 1924.

יעקב מעסטעל — וועט זיינען די קינסטלער פון דעם ניו־יאָרקער אידישען קונסט־טהעאַטער?, „די צייט", לאָנדאָן, 4 אַפּריל 1924.

דר. י. קריטיקוס — אַ געשפּרעך מיט זאַץ'ן און מוני ווייזענפריינד'ן אויף בראָדוויי, „אַמעריקאַנער", 29 אָקט. 1926.

מ. אָשעראָוויטש — מוני ווייזענפריינד, „טעאַטער און קונסט", ניו־יאָרק, 1, 1926, זז. 11-7.

אַנשעל שור — האָט מוני ווייזענפריינד פאַרלאָזען די אידישע ביהנע?, „די אידישע וועלט", פילאַדעלפיע, 23 סעפּטעמבער, 1926.

דר. א. מוקדוני — „טעאַטער", נ. י. 1927, זז. 6-141.

א. פרומקין — מוני ווייזענפריינד האָט אַלס קינד געשפּילט אַלטע לייט, „מאָ"זש", נ. י. 14 דעצעמבער 1928.

דר. א. מוקדוני — מוני ווייזענפריינד אין די מואווים, „מאָ"זש", 14 מאַי, 1929.

אַ זייטיגער — צווישען ליטעראַטען און אַקטיאָרען, „פאָרוו.", 21 יולי, 1929.

מ. אָשעראָוויטש — „דוד קעסלער און מוני ווייזענפריינד", ניו יאָרק, 1930.

ש. ראַבינאָוויטש — „צוויי דורות אידיש טעאַטער", „צוקונפט", אויגוסט, 1930.

זלמן זילבערצווייג — אָשעראָוויטשעס מאָנאָגראַפיע וועגן צוויי אידישע אַקטיאָרן, „דער וועקער", 1 נאָוו. 1930; „ליט"בלט" 49, 1930.

מ. מלמד — צוויי אידישע שוישפּילער — דורך די אויגען פון אַ אידישען שריפטשטעלער, „אידישע וועלט", פילאַדעלפיע 23 נאָוו., 1930.

ווייזענפריינד, סאַלי

[חיה צילקע פישלער]

געב. 1876 אין סטאַניסלאַוואָ, גאַליציע. ווען זי איז אַלט געווען $1\frac{1}{2}$ יאָר, איז איר מוטער געשטאָרבן און איר פאָטער האָט זי אַריינגעגעבן אויפצוציען ביי איר זיידן, אַ דיין.

אין 1892 האָט דער טעאַטער-דירעקטאָר טרייטלער, וועמענס טאָכטער מאַלווינאַ, איז געווען איר חברטע, זי געהערט זינגען, און האָט זי אַריינגענומען אין כאָר אין זיין טרופּע. שפּעטער הויבט זי אָן שפּילן קליינע ראָלן, אין 1893 האָט זי דער דירעקטאָר פאַרבער אַנגאַזשירט אין זיין טרופּע אין קראָקע, אין 1895 שפּילט זי אין ווין און בודאַפּעסט, אין 1902 קומט זי אין לאָנדאָן, פון וואַנען זי פאָרט באַלד קיין אַמעריקע. דאָ שפּילט זי צוערשט אין וואַריעטע-טעאַטערס, שפּעטער אין טרופּעס אין שיקאַגאָ, דעטראָיט, קליוולאַנד און פילאַדעלפיע.

1909-1913 איז זי מיט איר מאַן דירעקטאָר פון אַ טרופּע אין שיקאַגאָ, שפּעטער שפּילט זי אין פאַרשיידענע טרופּעס. פון סעפּט. 1926 — יולי 1927 איז זי צוזאַמען מיט איר צווייטן מאַן, נעסטאָר, דירעקטאָר אין לאָס אַנדזשעלאָס, דערנאָך שפּילט זי אין מעקינלי סקווער-טעאַטער (דירעקציע יאָזעף קעסלער).

איר זון — דער אַקטיאָר מוני ווייזענפריינד.

מ. ע.

מ. אָשעראָוויטש — „דוד קעסלער און מוני ווייזענפריינד", נ. י. 1930. זז. 164-163.

וויזענפריינד, פיליפ

[נחום-פייוול]

[געב. 1860 — געשט. 2 יוני 1913]

געבוירן 1860 אין נאַדוואָרנאַ, גאַליציע. פאָטער — פלעגט אימפּאָרטירן קאָלאָניאַל-סחורות פון אונגאַרן. געלערנט אין חדר און אַלס יונגל געזונגען ביי אַ חזן. דורך טרייטלער אַריינגענומען אין טעאַטער-כאָר, באַקומט וו. אין משך פון אַ קורצער צייט צו שפּילן קליינע ראָלן און ווען ס'ווערט ביי גימפּעל אויפגעפירט „שולמית" מיט רעגינע פּראַגער, שפּילט שוין וו. די ראָל „ציגנע-טאַנג". שפּעטער קערט וו. צוריק צו טרייטלער אין קראָקע, שפּילט אין בודאַפּעסט, דערנאָך אין רומעניע. אָבער צוליב די שלעכטע געשעפטן קומט וו. צוריק אין גאַליציע צו אברהם אַקסעלראַד, שפּילט דערנאָך אין עסטרייך און אין לאָנדאָן און פאָרט אין 1902 צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער קיין אַמעריקע. דאָ טרעט ער אויף אין ניו-יאָרקער יידישן וואָדעוויל, אָבער נאָך אַ קורצער צייט פאָרט ער אָפּ קיין שיקאַגאָ, וואו ער פירט אָן 6 יאָר מיט אַן אייגענער טרופּע, אין וועלכער ס'האָט אויך געשפּילט זיין זון מוני.

וו. איז געווען אַ גוטער כאַראַקטער-אַקטיאָר.

געליטן די לעצטע יאָרן אויף אַסטמאַ, איז וו. דעם 2 יוני 1913 געשטאָרבן אין שיקאַגאָ.

מ. ע. פון זיין פרוי סאַלטשע וויזענפריינד.

מ. אַשעראָוויטש — „דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד", ניו־יאָרק, 1930, זז. 180, 76־172.

וויטער, א.

[אייזיק-מאיר דעווענישסקי]

[געב. יוני [יולי?] 1878 [1879?] — געשט. 21 אַפּריל 1919]

געבוירן יוני [יולי?] 1878 [1879?, לויט ז. רייזען איז זיין פּאַס מיט 6 יאָר עלטער, לויט א. י. גאָלדשמידט — מיט 4 יאָר עלטער] אין ביניאַקאָני, ווילנער געגנט, פּויליש-ליטע. פאָטער — אַ קרעטשמער, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ מיוחסדיקער משפחה פון רבנים, דיינים און לומדים, האָט אָפּגעגעבן זיין זון צו דערציען ביים זיידן, כדי אים צו דערווייטערן פון דער קרעטשמע-סביבה. פון 5 יאָר אָן געלערנט ביי מלמדים און אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיגקייטן. אויפן 13-טן יאָר אַוועקגעפאָרן קיין סאָלעטשניק און געלערנט אין בית-המדרש ביים דאָרטיקן רב, דערנאָך אין קאַלעלישאָק, וואו ער האָט אויך געלערנט למודי-חוץ און פיל געלייענט העברעאיש-יידישע ליטעראַטור. צו יענער צייט געהערן זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרובן: לידער און סצענישע בילדלעך אין העברעאיש, יידיש און רוסיש. צוזאַמען מיט ישראל ראַבינאָוויטש אינסצענירט ער אויך מענדעלעס „פישקע דער קרומער" און פירט עס אויף פּורים תרנ"ו (1896), וועלכעס מאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן רושם.

נאָכן פאַרברענגען אַ יאָר אין סמאַרגאָן, וואו ער באַקענט זיך מיט דער יונגער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, פאָרט ער לערנען אין קיבוץ פון איישישאָק, באַזוכט די ישיבה פון חפץ חיים אין ראַדין, און קומט אין קאָוונע (1897), וואו ער האָט אַ קורצע צייט געלערנט אין „נייעם בית-המדרש" און בסוד פון די עלטערן זיך געגרייט צו אַ מאַטורע-עקזאַמען, וועלכן ער האָט אָבער ניט אויסגעהאַלטן. אַריינגעצויגן אין רעוואָלוציאָנער-סאָציאַליסטישן קרייז, פירט ער אָן, א"פ „חבר אַראָן", אַן ענערגישע פּראָפּאַגאַנדיסטישע און אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט אין „בונד" און רעדאַקטירט אַ בונדישן אָרגאַן.

סוף זומער 1899 איז וו. אַרעסטירט געוואָרן אויפן ווילנער וואָקזאַל מיט אַ טראַנספּאָרט פון אומלעגאַלער ליטעראַטור. אָנהייב זומער 1900 באַפרייט געוואָרן אונטער פּאָליציי-אויפזיכט, נעמט ער (אונטערן פרעמדן נאָמען „וויטער") אַן אינטענסיוון אָנטייל אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, ווערט אַ מיטגליד אין ווילנער „בונד"-קאָמיטעט, באַטייליקט זיך אין אומלעגאַלע אָרגאַנען, אַראַנזשירט יידישע פאָרשטעלונגען פאַר אַרבעטער (ווי אַנ-סקיס „די מלחמה פאַרן לעבן", הויפּטמאַנס „די וועבער") און פּרובט אַליין איבערזעצן פון אייראָפּעאישן רעפּערטואַר.

סוף יאַנואַר 1901 ווידער אַרעסטירט, זיצט וו. אַ יאָר אין מאָסקווער בוטירקי-טורמע און ווערט אין 1902 פאַרשיקט אַדמיניסטראַטיוו אויף 2 יאָר קיין סיביר, וואו ער איז אַ געוויסע צייט געווען אָנגעשטעלט ביי דער באַן אין טאָמסק און געשריבן אין דער סיבירער רוסישער פּרעסע. שפּעטער פאַרבראַכט אין זאַקאָפּאַנע, בערלין און שווייץ און נאָך די געשעענישן פון 9 יאַנואַר 1905 געקומען אין ווילנע, וואו ער וואַרפט זיך ווידער אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. א"פ נ. אַנין דערנאָך געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער רוסישער צייטונג „סעוועראָ-זאַפּאַדנאַיע סלאָוואָ". נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע האָט וו. ביסלעכווייז זיך צוריקגעצויגן פון אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט און אָנגעהויבן זיך אָפּגעבן מיט ליטעראַטור, אַרויסטרעטנדיק צום ערשטן מאָל א"פ א. וויטער מיט אַ נאָוועלע „אין וועג" („פאָלקס-צייטונג", 10/23 נאָוועמבער 1906). אין מינסק, וואו ער האָט געוואוינט, (אומלעגאַל א"נ ראובן גורעוויטש), האָט וו. מיטגעאַרבעט אין דער אָרטיקער רוסישער פּרעסע, האָט (1907) צוזאַמען מיט שרה רייזען און מענדל עלקין איבערזעצט מאַקס האַלבעס דראַמע „דער שטראָם" און זיך געגרייט אַליין צו שפּילן די ראָל „הערמאַן".

צוריקגעקומען אין ווילנע, האָט וו. פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע פּיעסע „פאַרטאָג, אַ דראַמאַטישע פּאָעמע אין פיר אַקטן, אין ווייסן פערז" (פ"ג „די וועלט", 1907, זז. 68; 2-טע פאַרבעסערטע אויסגאַבע [אויסגעבעסערט אַ ריי אָנווייזונגען פון ש. ניגער] — 1911; 3-טע אויסגאַבע — פ"ג ב. קלעצקין, 1922).

די דראַמע (אונטער דער השפּעה פון פּוילישן דיכטער וויספּיאַנסקי) דריקט אויס אין אַ סימבאָלישער פאָרם די שטימונגען פון דער יידישער אינטעליגענץ ערב דער רוסישער רעוואָלוציע.

די דראַמע איז קיינמאָל ניט געשפּילט געוואָרן.

וו. איז אויך געווען אַ מיטגרינדער פון דער „יידיש מוזיקאַליש-וואָקאַליש-דראַמאַטישע געזעלשאַפט" אין ווילנע, וועלכע האָט געשפּילט אַ באַדייטנדע קולטורעלע ראָל אין ווילנע ביז דער וועלט-מלחמה. פון איר איז שפּעטער אַנטשטאַנען „פאַדאַ" [די „ווילנער טרופּע"].

אָנהייב 1908 האָט וו., צוזאַמען מיט ש. ניגער און ש. גאָרעליק, געגרינדעט דעם זשורנאַל „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטען" (4 נומערן), וואו ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן יידישן טעאַטער (איבערגעדרוקט אין זיינע כתבים זז. 8-120).

נאָכן אונטערגאַנג פון די „ליט. מאָנ." נעמט זיך וו. צום טעאַטער: שאַפן אַ יידישן קינסטלערישן טעאַטער ווערט זיין לעבן-אויפגאַבע. אויף דעם פעלד אַרבעט ער צוזאַמען מיט מ. עלקין

און קומט אפילו אין באָברויסק, וואו ער האַלט וועגן דעם אַ רע-פּעראַט.

שפּעטער פאָרט וו. קיין פּעטערבורג, וואו ער אַרבעט אין „דער פריינד“ און שרייבט אָן צו יענער צייט „אין פייער, דראַמע אין 3 אַקטען“ (פ״ג „די וועלט“ 1910, זז. 80, 2-טע אויסגאַבע — פ״ג ב. א. קלעצקין, 1920). אין דער דראַמע, וועלכע איז אין מערץ 1920 אויפגעפירט געוואָרן אין ווילנע דורך דער סטודיע ביי דער טעאַטער-געזעלשאַפט, ווערט געשילדערט דער חורבן פון דער יידישער משפחה, די פאַרלאָזנקייט און עלנט פון דעם נייעם דור, וואָס בענקט נאָך גאַנצער, קאָנסטרוקטיווער יידישקייט.

אין 1919 איז די פּיעסע דערשינען אין מינכען אין דער דייטשער איבערזעצונג פון אַלעקסאַנדער עליאסבערג אין זיין זאַמלונג „יידישעס טעאַטער“. (צווייטער באַנד, זז. 315-247.)

אין 1910 ווערט וו. אַ מיטגליד אין רעדאַקציע פון „דער פריינד“ אין וואַרשע.

דר. מוקדוני שרייבט וועגן דעם אין זיינע „זכרונות“ („אַרכיוו“, 1930): „אין דער רעדאַקציע האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער טעאַטער-פראַגע און געהאַט צו איר אַ פעסטע און קלאָרע באַציאונג — א. ווייטער“.

דעם 22 יאַנואַר 1910 האָט וו. זיך באַטייליקט אין וואַרשעווער „פילהאַרמאָניע“ אין סימפּאָזיום (דר. מוקדוני, נאָמבערג, פּרץ) וועגן יידישן טעאַטער.

אין שליחות פון דער געזעלשאַפט פאַר אַן ערנסטן קינסטלערישן יידישן טעאַטער, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין וואַרשע (1911) מיט י. ל. פּרץ בראַש, האָט וו. באַזוכט אַ ריי שטעט פון צפון-מערב און דרום-רוסלאַנד, פּראָפּאַגאַנדירנדיק די אידעע פון דאָזיקן טעאַטער און פאַרקויפנדיק אַקציעס פון דער געזעלשאַפט. די אידעע איז אָבער ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. וו. פּרובט נאָך צו אָרגאַניזירן אַן ערנסטע יידישע טרופּע מיט עלקין, בן-עמי און נעמי אָן דער שפּיץ, פאַרבינדט זיך מיט בעליאַעוון, אויך מיטן יידיש-רוסישן אַקטיאָר דאַלמאַטאָוו, אָבער קיין איינער פון די פּלענער האָט זיך ניט איינגעגעבן.

אין 1912 דערשיינט אין ב. קלעצקינס פאַרלאַג וו.'ס פּיעסע „דער שטומער“ אין 4 אַקטן (זז. 84, 16°, 2-טע אויסגאַבע — 1920).

אין דער פּיעסע, וועלכע איז זייער אָפט געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע, דריקט אויס וו. די תשובה-שטימונגען פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע איז פאַרפרעמדט פון יידישקייט.

ניט קאָנענדיק מער אַריבערטראָגן דאָס אומלעגאַלע נע ונד-לעבן, גיט וו. זיך איבער פרייוויליק אין די הענט פון דער זשאַנדאַרמעריע און זומער 1912 ווערט ער פאַרשיקט אויף 3 יאָר אין דער טורו-כאַנסקער געגנט פון וויטן סיביר. שפּעטער באַקומט ער די דערלויבניש צו בלייבן אין קראַסנאָיאַרסק, וואו — צוליב מאַטעריעלער נויט — אַרבעט ער מיט אין „סיבירסקאַיאַ זשיזן“.

סוף מערץ 1917 צוריקגעקומען אין פּעטערבורג, וואוינט ער נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע אין ניזשני-נאָווגאָראָד, מינסק, באָברויסק און סוף 1918 אין ווילנע, וואו ער גרינדעט צוזאַמען מיט ש. ניגער דאָס וואָכנבלאַט „די וואָך“ (דערשינען 4 נומערן). דאָ פאַרעפנטלעכט ער זיין איינאַקטער „אַן אומגליק“ (איבערגעדרוקט אין זיינע כתבים). אין דעם שפּעטערדיקן חודש-זשורנאַל „די נייע וועלט“ האָט וו. פאַרעפנטלעכט אַ טעאַטער-אַרטיקל [איבערגעדרוקט אין זיינע כתבים].

בעת די פּוילישע אַרמיי האָט פאַרנומען ווילנע, האָבן אייניקע לעגיאָנערן זיך אַריינגעריסן אין הויז, וואו וו. האָט געוואוינט, אים אַרויסגעפירט אין גאַס און אים דערשאָסן דעם 21 אַפּריל 1919.

זיין נאַקעטער קערפּער האָט זיך געוואַלגערט 2 טעג אין דער גאַס-רינע.

דער טראַגישער טויט פון וו. האָט אַרויסגערופן טרויער אין דער גאַנצער יידישער וועלט. אין אַלע גרעסערע יידישע צענטערס זיינען אַראַנזשירט געוואָרן טרויער-אָוונטן.

אויף וו.'ס קבר אויפן ווילנער בית-עולם איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ דענקמאָל און צו זיין אָנדענק האָט דער „ווייטער-פאָנד ביים פאַריין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווילנע“ אַרויסגעגעבן א״ר פון ש. ניגער און ז. רייזען אַ זמ״ב א״ט „ווייטער-בוך“ (1920, 320 זז. 16°), וואו אַ חוץ אַ ריי אַרטיקלען וועגן וו.'ס לעבן און שאַפן און אַ גרעסערע אַרבעט פון דר. מיכאל וויי-כערט „ווייטער דער דראַמאַטיקער“ איז אויך פאַרעפנטלעכט אַ ריי בריוו פון וו. צו זיין פריינט מ. עלקין.

אין 1923 איז אין קלעצקינס פאַרלאַג דערשינען וו.'ס „כתבים“ (160 + CLXV 16°), אין וועלכע ס'גייען אויך אַריין א. י. גאָלדשמידטס אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון וו., דער איינאַקטער „אַן אומגליק“ און אַ קורצע רשימה פון וו.'ס ווערק.

נחמן מייזיל האָט אין „די יידישע וועלט“ (וואַרשע, 8, 1927) פאַרעפנטלעכט 4 בריוו פון וו.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I זז. 38-929.

א. ווייטער — „כתבים“, ווילנע 1923.

מיכאל וויכערט — „טעאַטער און דראַמע“ I, זז. 6-101.

נחמן מייזיל — בריוו פון א. ווייטער, „די יידישע וועלט“, וואַרשע, VIII, 1928.

ש. ניגער — א. ווייטער, „טאָג“, נ. י. 1 מאַי 1929.

אברהם רייזען — „עפּיזאָדן פון מיין לעבן“, ווילנע 1929, I, זז. 156-146, 175-173, 303-300.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער „אַרכיוו“, ווילנע, 1930, זז. 86-372, 410-397.

ווייכערט, מיכאל, דר.



געבוירן 5 מאַי 1890 אין סטאַרע-מיאַסטאָ, גאַליציש-פּאָדאָליע. פאָטער — אַ תבואה-סוחר, אַ האַלבער משכיל און אַ האַלבער מתנגד. צו 3 יאָר אַריבערגעפאָרן מיט די עלטערן קיין סטאַניסלאַוואָוו, וואו ער לערנט אין אַ פּוילישער פאָלקס-שול און נאָכמיטאָג אין אַ חדר-מתוקן, דערנאָך אין דער פּוילישער גימנאַזיע און העברעאיש און תנ״ך ביים שריפטשטעלער יצחק פערנהאָף. אַלס שילער פון די העכערע קלאַסן געווען דער איינציקער יידישיסט אין דער ציוניסטיש-העברעאיסטישער סביבה און אין 1908 בייגעוואוינט די יידישע שפּראַך-קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ. נאָכן ענדיקן גימנאַזיע שטודירט אין לעמבערגער אוניווערזיטעט און, פילנדיק שוין פון פריער אַ נייגונג צום טעאַטער, אַוועק אין 1910 קיין ווין, וואו ער באַזוכט אַ דראַמאַטישע שול, ענדיקט מיט אַן אויסצייכנונג דעם יורידישן פאַקולטעט, הערט אין פילאָזאָפישן פאַקולטעט לעקציעס וועגן שפּראַך-ווויסנשאַפט, ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט, מאַכט אין 1916 דאָס דאָקטאָראַט, קומט אָן דערנאָך אין בערלין אַלס האַספּיטאַנט צו מאַקס ריינהאַרד און פאַרענדיקט צוגלייך אין אוניווערזיטעט די ליטעראַטור- טעאַטער- און קונסט-היסטאָרישע שטודיעס.

1917-18 — האָט וו. פאַרעפנטלעכט אויף דייטש אין „דער יודע“ אַ סעריע אַרטיקלען צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער [מיט

קיצורים דאַמאָלט געדרוקט אין דער יידישער איבערזעצונג פון ז. זילבערצווייג אין „לאָדזער טאָגעבלאַט“]. 1918 — געאַרבעט אין וואַרשע אַלס „הילפסדינסטפליכטיקער“ אין צייטונגס-וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט ביי דער דייטשער מיליטער-פּרעסע-פאַרוואַלטונג. פאַרבלייבנדיק שוין אין וואַרשע, האָט וו. איבערגענומען די רעזשילייטונג ביי דער „ווילנער טרופּע“ און אויפגעפירט אין 1919 הויפּטמאָמס „הענשעל פורמאַן“. באַלד אָבער פאַרלאָזט ער דאָס טעאַטער, ווערט אַ לערער פון דייטש אין די יידישע גימנאַזיעס און הויבט אָן פאַרעפנטלעכן אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן אַ ריי קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן טעאַטער בכלל און וועגן יידישן טעאַטער בפרט, באַזונדערס וועגן אויפגעפירטע פּיעסן. אַ טייל פון דידאָזיקע אַרטיקלען איז שפּעטער אַריין אין זיין בוך „טעאַטער און דראַמע“ (ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, צווייטע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע, 1926, ערשטער באַנד, זז. 192, 16°, צווייטער באַנד, זז. 186 16°).

1921 רעדאַקטירט וו., צוזאַמען מיט אַלטער קאַציזנע, דעם זשורנאַל „רינגען“, אין וועלכן וו. ווידמעט פיל פּלאַץ דעם יידישן טעאַטער. שפּעטער פאַרעפנטלעכט ער אין שוועדישן זאַמלבוך „יודאַרנא“ א״ר פון דר. מ. ערנפּרייז אַ שטודיע וועגן יידישן טעאַטער.

וו. איז אַ געוויסע צייט געווען פאָרזיצער פון יידישן אַרטיסטן-פאַריין אין פּוילן, האָט זיך מיטבאַטייליקט אין דער רעדאַקציע פון „יידיש טעאַטער“ (וואַרשע, 1921 — אַפּריל 1922), אַרויסגעגעבן פון יידישן אַרטיסטן-פאַריין אין פּוילן, האָט רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן (שפּעטער פאַרלאַג קלעצקין) 6 נומערן פון זשורנאַל „טעאַטער“ (וואַרשע, אַפּריל 1925 — פעברואַר 1926), האָט רעדאַקטירט 11 נומערן (25 מערץ — 26 אויגוסט 1927) פון צווייוואָכנבלאַט „טעאַטער ידיעות פון יידישן אַרטיסטן-פאַריין אין פּוילן“, וועלכעס איז געדרוקט געווען אַלס ספּעציעלע ביילאַגע אין די „ליטעראַרישע בלעטער“ און איז אויך דערשינען אין אַ סעפּעראַטן אָפּדרוק, און האָט רעדאַקטירט דאָס קוואַרטאַל-בוך „יידיש טעאַטער“. אין די אַלע אויסגאַבן האָט וו. פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן יידישן און אַלגעמיינעם טעאַטער ווי אויך אָפּהאַנדלונגען וועגן טעאַטער-אָרגאַניזאַציע-ענינים.

וו. האָט רעזשיסירט אין דער „ווילנער טרופּע“ זיין דראַמאַטיזירונג פון שלום אַשס ראָמאַן „קדוש השם“ אין 25 בילדער, וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן דעם 2 מאַי 1928 און איז געשפּילט געוואָרן 250 מאָל כמעט אָן הפסקה. די זעלבע פּיעסע האָט וו. אויך אויפגעפירט דעם 16 סעפּטעמבער 1928 אין ריגער „נייער יידישער טעאַטער“. וו. האָט אויך רעזשיסירט אין דער „ווילנער טרופּע“ מאַרק ראַקאָווסקיס און ישראל שטערנס איבערזעצונג פון שעקספּירס „שיילאָק“ (פעברואַר 1929). אהרן צייטלינס דראַמע „יידן-שטאָט“ (אויפגעפירט דורך דער „ווילנער טרופּע“ דעם 10 נאָוועמבער 1929 אין ביאַליסטאָק) און גרייט צום אויפירן מיט דער „ווילנער טרופּע“ מ. ליפשיצס קאָמעדיע „אַ מעשה מיט הערשעלע אָסטראָפּאָליער“.

וו. פירט אָן אין וואַרשע מיט אַ יידישער דראַמאַטישער שול, פון וועלכער אַ טייל אַבסאָלווענטן שפּילן שוין איצט פּראָפעסיאָנעל אויף דער יידישער בינע.

פון צייט צו צייט האַלט אויך וו. פאָרלעזונגען אויף טעאַטער-טעמעס.

מ. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 938-40.

דר. יעקב שאַצקי — טעאַטער און סצענע, „ביכער-וועלט“, וואַרשע, 3, 1922.

דר. מיכאל וויכערט — צוויי יאָר יידישע דראַמאַטישע שול, „ליט״בל“ 42, 46, 1925.

[—] קאָמוניקאַטן, „ליטב״ל“, 48, 1927.

דר. מיכאל וויכערט — בריוו אין רעדאַקציע, „ליט״בל“, 49, 1927.

[—] הינטער די קוליסן פון דער קדוש-השם-אויפפירונג, „ליט״בל“, 21, 1928.

נחמן מייזיל — „דער סוחר פון ווענעדיק“ ביי דער „ווילנער טרופּע“, „ליט״בל“, 10, 1929.

נחמן מייזיל — אהרן צייטלינס דראַמע „יידן-שטאָט“ ביי דער ווילנער טרופּע, „ליטב״ל“, 46, 1929.

יעקב מעסטעל — טעאַטער ביכער, „מאָרגן-פרייהייט“, נ. י. 8 יולי 1929.

יעקב מעסטעל — „טעאַטער און דראַמע“, „אַרכיוו“, זז. 505-6.

וויינבלאַט, טשאַרלס

[קלמן]

געבוירן 19 מאַי 1877 אין בראַאילא, רומעניע. פאָטער — דער אַקטיאָר ישראל וויינבלאַט. געלערנט אין חדר און אין שוואַרצמאַנס שטאָטישער שול. 1886 — אויסגעוואַנדערט מיט דער פאַמיליע קיין ניו-יאָרק, וואו ער האָט געלערנט אין פּאָבליק-סקול, דערנאָך געוואָרן אַ שיק-יינגל. באַלד אָבער נעמט ער צונויף עטלעכע יונגלעך און שפּילט מיט זיי 2 יאָר יידיש טעאַטער אויף דער פּראָווינץ. דער פאָטער, וועלכער לאָזט אים ניט בשום אופן ווערן אַן אַקטיאָר, ברענגט אים צוריק אין ניו-יאָרק און גיט אים אַוועק צו אַ פּלאָמבער, וואו וו. אַרבעט אַ יאָר. ניט קאָנענדיק זיך באַפרייען פון שטרעבן צו דער בינע, פאָרט וו. ווידער אַרום מיט טרופּעס, אין וועלכע עס באַטייליקן זיך אויך די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן ז. וויינטרויב, בערנאַרד יאָנג, דוד לעווענזאָן און טשאַרלס נאַטאַנסאָן. געצוואונגען פון פאָטער, קומט וו. ווידער צוריק אין ניו-יאָרק, וואו ער לערנט פּריוואַט, טרעט דערנאָך אַריין אַרבעטן צו אַן אַדוואָקאַט און ענדיקט שפּעטער אַלס אַדוואָקאַט, ווידמענדיק זיך על פּי רוב דער יורידישער זייט פון טעאַטער-ענינים.

1925-27 — איז וו. געווען, צוזאַמען מיט מאַקס ווילנער, מענעדזשער פון אירווינג-פּלייס טעאַטער.

אין 1928 האָט וו. פאַרעפנטלעכט אין ניו-יאָרקער „מאָרגן-זשורנאַל“ בערך 20 פעליעטאָנען א״נ „טשאַרלי דערציילט“, אין וועלכע ס'ווערן אין אַ הומאָריסטישער פאָרם דערציילט עפּיזאָדן פון יידישן טעאַטער-לעבן.

וו.'ס שוועסטער, סאַבינאַ, שפּילט אויף דער יידישער בינע און איז פאַרהייראַט מיטן אַקטיאָר מאַקס ראָזענטאַל.

מ. ע.

ווײַנבלאַט, ישראל
[וואורצל]

[געב. ...1853 — געשט. 27 מאַי, 1918]



געבוירן 1853 אין סאַדעגורע, גאַליציע. דער זיידע ר' שבתי'לע איז געווען חזן, דער פאָטער — אַ העברעאישער לערער. ווי פרוי ווײַנבלאַט גיט אָן, איז איר מאַנס אַ ברודער געווען אַ מיליטער־דאָקטאָר, אַן אַנדער ברו־דער — אַ ציוויל־דאָקטאָר.

געלערנט אין ישיבה, געווען אַ משורר און איז יאָרנלאַנג אַרומגעפאָרן מיט אַ חזן, צו־ערשט אַלס „אַלט״, דערנאָך אַלס טענאָר. שפּעטער האָט ער זיך געלערנט שחיטה, נאָר אים איז בעסער געפעלן געוואָרן דאָס זאָרגלאָזע און פריילעכע לעבן פון די קעלער־זינגער און ער האָט זיך געלאָזט גיין אויפן דאָזיקן וועג: געזונגען מיט וועלוועל זבאַר־זשער און געוואָרן גוטער ברודער מיט גראַדנער, צוקערמאַן און מאָגולעסקאָ און מיט זיי געזונגען. דערפון האָט ער אָבער ניט גע־קאָנט מפרנס זיין זיין ווייב און ער האָט גענומען טראַכטן וועגן אַ תכלית. אַ נשמה־פאַרזאָרגער האָט אים צוגערעדט צום שמד און ער איז צוליב דעם צוועק געפאָרן קיין בוקאַרעסט. אָבער דאָ איז ער אַריינגעטראָטן צו גאָלדפאַדען אין טרופּע, וואו ער האָט זיך דערדינט ביז 170 פראַנק אַ חודש. מאָגולעסקאָס טרופּע נעמט אים אַרויס פון גאָלדפאַדענען קיין יאַסי און באַשטימט אים 250 פראַנק אַ חודש.

פון רומעניע וואַנדערט וו. קיין רוסלאַנד, אָבער באַלד נאָכ־דעם ווי יידיש טעאַטער ווערט דאָרט פאַרווערט, לאָזט ער זיך צוריק וואַנדערן איבער רומעניע. עטלעכע יאָר מאַטערט ער זיך דאָרט מיט אַנדערע אַקטיאָרן ביז אין 1887 פאָרט ער מיט משה פינקעלס טרופּע קיין גאַליציע און טרעט דערנאָך ווידער אַריין אין גראַדנערס טרופּע אין רומעניע. פון דאַנען, צוזאַמען מיט הורוויצן פאָרט וו. קיין ווין, וואו ער שפּילט אין גרויסן דייטשן רינג־טעאַ־טער. פון דאָרט וואַנדערט ער צוריק קיין גאַליציע און דערנאָך קיין אָדעס, וואו ער שפּילט אין מאַרינסקי־טעאַטער און ווידער איבער רומעניע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און צוריק קיין רומעניע אונטער דער דירעקציע פון מאָגולעסקאָ און פינקעל.

דעם 28 סעפּטעמבער 1887 ברייננגט מאָגולעסקאָ אים צוזאַמען מיט דער גאַנצער רומענישער טרופּע אין ניו־יאָרק, וואו זיי הויבן אָן שפּילן אין טעראַס־גאַרדען־טעאַטער, דערנאָך אין רומעניע אָפּע־רע־הויז. שפּעטער פאָרט וו. מיט יידיש טעאַטער איבער אַמעריקע און קאַנאַדע און שפּילט אויך אָפט אין ניו־יאָרק.

דעם 1 יאַנואַר 1891 איז אין רומעניע־אָפּערע־הויז אויפגעפירט געוואָרן זיין אייגענע קאָמעדיע, „נחמן זלאַטאָפּאָלער״ אָדער „פאָ־טער און זון״, מוזיק פון מ. אווראַמאָוויטש.

וו. איז געווען זייער באַליבט ביים פּובליקום, זיין דערשיינען אויף דער בינע פלעגט אַרויסרופן באַגייסטערונג און געלעכטער. אָבער מיט דער צייט ווערט ער געשטעלט אין שאָטן, און צוליב דעם ציט ער זיך צוריק פון דער בינע מיט דער כונה צו דערציען זיינע קינדער אַלס פאַרמערס. ער קויפט אַ פאַרם נעבן רויזענהיין, ניו־דזשוירזי, און באַזעצט זיך דאָרט, אָבער נאָכדעם ווי ער האָט דאָרט פאַרבראַכט איניקע יאָר פאַרבענקט ער זיך צו דער בינע, קומט צוריק אין ניו־יאָרק און טרעט אויף אין פּיפּלס־טעאַטער, אָבער אָן דערפאָלג. ער קערט זיך צוריק צו זיין פאַרם, אָבער אין 1914 פאַרבענקט ער זיך ווידער צו די ברעטער. וו. שרייבט איצט אָן אַ פּיעסע „דער סקאַנדאַל״, וועלכע ווערט באַלד דערויף אויפ־געפירט אויף גרענד סטריט. אָבער די פּיעסע פאַלט דורך און וו. ציט זיך צוריק אין זיין פאַרם, וואו ער איז דעם 27טן מאַי 1918 געשטאָרבן און דאָרט געקומען צו זיין אייביקער רו.

וו.'ס בעסטע ראָלן זיינען געווען „שמערקע דער משרת״ אין שמרס „קאָקעטען־דאַמע״, „קלמן קראָטש״ אין לינעצקיס „דאָס פּוי־לישע יינגל״ און „האָצמאַך״ אין גאָלדפאַדענס „באָבע יאַכנע״.

וו. האָט איבערגעלאָזט אַ טאָכטער, די אַקטריסע סאַבינע ראָזענ־טאַל, און אַ זון, טשאַרלי, אַ טעאַטער־אַדוואָקאַט און מענעדזשער.

מ. ע. פון פרוי ווײַנבלאַט און מאַקס ראָזענטאַל.

ב. גאָרין — „געשיכטע פון אידישען טעאַטער״, I, זז. 191, 201, 202, 237, 242; II, ז. 35.

ב. גאָרין — ישראל ווײַנבלאַט, „מאָ״זש״, ניו־יאָרק 30 מאַי, 1918.

לעד פּענסיל — דער ערשט פאַרשטאָרבענער אַקטיאָר ישראל ווײַנבלאַט, „פאָרוו.״, ניו־יאָרק, 3 יוני, 1918.

דזשייקאָב פּ. אַדלער — אַ אידישער אַקטיאָר איז וויא, להבדיל, אַ איד — ער האַלט אין איין אַרומוואַנדערן, „דיא וואַרהייט״, נ. י. 25 יאַנואַר, 1919.

אב. קאַהאַן — „בלעטער פון מיין לעבען״, II, זז. 88-386.

ווײַנבלאַט, סאַבינאַ

[זע ראָזענטאַל, סאַבינאַ.]

ווײַנבערג, דר.

זאָל זיין אַ בוקאַרעסטער. האָט געשפּילט איניקע חדשים ביי גאָלדפאַדען און ניט קאָנענדיק זיך צופּאַסן צו די פאַרהעלטנישן איז ער אַרויס פון דער טרופּע און אויסשטודירט אַלס דאָקטאָר־וועטערינאַר.

מ. ע. פון צעזאַר גרינבערג.

ווײַנבערג, העריִ
[אהרן]

געבוירן 1 יולי 1892 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַן אָנגעשטעלטער אין אַ מיל. געלערנט אין חדר, אין תלמוד־תורה, דערנאָך ביי לערער. געזונגען אַלס משורר אין נאָ־זשיקס שול. באַזוכט דאָס יידישע טעאַטער און ווערט אַזוי באַגייסטערט, אַז ער טרעט אַריין אַלס סטאַטיסט צו קאַמינסקי און קאָמפּאַניע. אָבער באַלד נעמען זיך צו־נויף די דאָרטיקע סטאַטיסטן און קאָפּירן די אַקטיאָרן (צוערשט אין פּריוואַטע הייזער אין וואַרשע, דערנאָך אַרומפאָרנדיק איבער דער פּראָווינץ) און אויף דעם אופן דעביוטירט וו. אין דער ראָל „דע סילוואַ״ אין „אוריאַל אַקאָסטאַ״. פּראָפעסיאָנעל האָט וו. אָנגעהויבן שפּילן אין דער טרופּע פון זשיטאָמירסקי און שפּעטער איבערגעגאַנגען אין די טרו־פּעס פון סעם אַדלער און מעערסאָן, בעקער א. א.

1910 — געקומען אין אַמעריקע און דאָ געשפּילט וואָדעוויל ביי אַגעד אין ניו־יאָרק, דערנאָך אין דער פּראָווינץ. 1911 — אַריינ־געטראָטן אין לאָקאַל 5, וואו ער איז שפּעטער געוואָרן אַן עקזעקו־טיוו־מיטגליד. 1913 — געשפּילט אַ סעזאָן לעגיטים טעאַטער ביי ליליען און צום סוף פון זעלבן יאָר — וואָדעוויל אין דעטראָיט. זומער 1914 — וואָדעוויל אין קליוולאַנד, ווינטער 1914 און דעם סעזאָן 1915 — לעגיטים טעאַטער צוזאַמען מיט אסתר און סאַאול וואַלערשטיין, 18-1916 — צוזאַמען מיט וואַלערשטיין געפירט דאָס

„וואַלערשטיין און וויינבערג גלאָב טעאַטער", דערנאָך זיך באַזעצט אין דעטראָיט און זיך צוריקגעצויגן פון טעאַטער.

וו. האָט געגרינדעט די צייט-שריפט „דער וועג" (צוערשט אַלס וואָכנבלאַט, דערנאָך דערשינען אַלס טעגלעכע צייטונג אין דעטראָיט).

מ. ע.

וויינבערג, הערמאַן

געבוירן 1863 אין לעמבערג, גאַליציע. שטאַמט אָפּ פון וויבראַנאַווקער צדיק. פון 7 ביז 12 יאָר געזונגען ביי חזנים און אין לעמבערגער טעמפּל ביים קאַנטאָר באַכמאַן. נאָכן פאַרלאָזן אין 1878 די שול, טרעט וו. אַריין צו די „בראָדערזינגער" און אַלס סאָפּראַן זינגט ער און שפּילט יונגע דאַמען-ראָלן. די פאָרשטעלונגען פלעגן נישט פאָרקומען אין אַ שטענדיקן פּלאַץ, נאָר יעדן אָוונט אין אַן אַנדערער שענק. אין די פאָרשטעלונגען, וועלכע זיינען באַזוכט געוואָרן נאָר פון מענער, האָבן זיך באַטייליקט קאַפּקע-דובינסקי, אפרים בראָדער, יצחק האַנאַט, חנא זבח, ירוחם פּיצעלע, דוד שטעפּלער און חיים בענדל. דער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון די לידער „חסידימלעך", „דער טויטן-גרעבער", „דער מצבה-שלעגער" און „דער בלינדער בעטלער" און פון די קאָמעדיעס „פייטל נאַר", „סאַבעלע מיטן קראַקעווער", „דאָס פאַרזאָרגטע בעל-הביתל", „די שלימזלניצע מיטן מאַן" און „חיים שאַיע קאַטער". שפּעטער איז דער רעפּערטואַר באַרייכערט געוואָרן מיט גאָלדפאַדענס „שמענדריק". בעת די פאָרשטעלונגען אין לעמבערג זיינען אויך געקומען גאַסטראָלירן וועלוול זבאַרזשער, הערש לייב סיגעטער, דערנאָך דוד סאַבסיי, אהרן לאַגער, חיים אַבראַמאָוויטש, אַלטער מעליצער, איציקל גאָלדענבערג, הערש זאַליטשיקער און הערמאַן ווילד.

די פאָרשטעלונגען זיינען נישט פאָרגעקומען אויף קיין בינע, נאָר אין שענק נעבן דער קוך, אָדער אין אַן אַנדערן ווינקל, וואו ס'איז געווען אַ זייטיקע שטוב זיך איבערצוטאָן.

די בינע-איינריכטונג: אַ טישל מיט צוויי ליכט און אַ טעלער אָדער אַ טאַץ, מיט וועלכן דער אַקטיאָר אין גרים איז נאָך יעדן נומער אַרומגעגאַנגען צווישן עולם „זאַמלען". די געזאַנג-נומערן פלעגן נישט פאָרקומען אונטער מוזיק-באַגלייטונג, נאָר דער זינגער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער מיטן, אַלע אַנדערע אַקטיאָרן אַרום אים — דער זינגער האָט אַנאָנסירט וואָס ער וועט זינגען און די אַרומשטייענדיקע האָבן אויפגעזונגען דעם „ריטונעל" און נאָך יעדן סטראָף — דעם „נאָכשפּיל".

די פאָרשטעלונגען זיינען פאָרגעקומען נאָר ווינטער. זומער פלעגן די „פרעמדע" צוגעפאָרענע כחות אַוועקפאָרן און בלייבן פלעגן נאָר די לעמבערגער, וועלכע פלעגן צונויפשטעלן אַ גרופּע פון 4 ביז 6 פּערזאָן און אַרומפאָרן איבער די וואַרמבעדער ווי שטשאַווניץ, קרעניצע, ביסאָוויץ, סטרי א. ד. ג.

נאָך די פאָרשטעלונגען פון הורוויצס טרופּע אין לעמבערג (1880) „מאָדערניזירט" זיך דאָס שפּילן פון די „בראָדערזינגער"; מען שלאָגט צוזאַמען 4 ברעטער, וועלכע מען טראָגט אַרום אַלס דעקאָראַציע און בינע איבער די שענקן און אַ צימבלער שפּילט שוין דעם ריטונעל און נאָכשפּיל.

בעת יאָוועלירס טרופּע פאָרט אַרויס פון לעמבערג גאַסטראָלירן איבער דער פּראָווינץ, ווערט וו. מיטגענומען אַלס סופלער און עפּיזאָדן-ראָליסט און פירט אויף „שולמית" אין דער שענק פון אַדאָלף ליפשיץ, שפּילנדיק אַליין די ראָל „שולמית". באַלד טרעט וו. אַריין אין עדוואַרד מאַרגוליעסעס טרופּע אין סטרי און שפּילט דאָרט „אבשלום" און „בר כוכבא".

1886 באַקומט וו. אַ קאָנצעסיע אויף יידיש טעאַטער און שפּילט אייניקע יאָר מיט אַ טרופּע אין גאָרטן פון יאָשע האַנד. דערנאָך פאָרט וו. אַרום איבער שטעט און שטעטלעך אַלס זינגער, שפּעטער צוזאַמען מיט יונה רייזמאַן, און נאָכדעם ווי יאָזעף עסקרייז שטודירט איין מיט זיי דייטש-יידישע קאָמישע דועטן, טרעטן זיי ביידע אַריין אין דייטשע קאַבאַרעטן. 1901 — שפּילט וו. אין ווין (צוזאַמען מיט שרה און לעאָפּאָלד קאַנער, פּ' און ה' קלוג, שאול בראַנדעס, פרידא זיבל, יונה רייזמאַן און שלום פּאָדזאַמטשע) און ווען די טרופּע צעפאַלט זיך אין 1905, ווערט וו. דירעקטאָר און ברייענגט אין ווין זינגלער א. א. זייט דאַמאָלט געפינט זיך וו. אין ווין, וואו ער שפּילט אָדער סופלירט פון צייט צו צייט.

ש. ע.

וויינבערג, משה

געבוירן 5 אָקטאָבער 1872 אין לעמבערג, גאַליציע. ברודער פון הערמאַן וו. פון 6 ביז 16 יאָר געזונגען אין כאָר פון לעמבערגער טעמפּל און דערנאָך אַריינגעטראָטן צו גימפּעל, וואו גאָלדפאַדען האָט דאַמאָלט אויפגעפירט „דאָקטאָר יאָזעלמאַן" און געגעבן וו. די 3 קליינע ראָלן פון „בירגערמייסטער", „פּפאַליץ" און „קעניג".

נאָכן שפּילן 4 יאָר אין דאָזיקן טעאַטער, באַקומט וו. אַ קאָנצעסיע אויף אַ דייטשן שאַנטאַן, מיט וועלכן ער פאָרט אַרום 2 יאָר איבער גאַליציע. אין 1896 באַקומט וו. אַ קאָנצעסיע אויף יידיש טעאַטער און פאָרט אַרום איבער דער פּראָווינץ מיט אַ טרופּע פון 28 פּערזאָן (דערונטער יעקב און ליזאַ זילבערט, פרידא זיבל, יוסף וויינשטאָק און פרוי), 1902 — עפנט וו. אַ יידיש טעאַטער אין ווין, 1904 — אין בודאַפּעסט, און 1906 — אין בערלין (טאַליאַ טעאַטער), וואו ער שפּילט אַ יאָר און גרינדעט דעם פאַריין „אָריענטאַליאַ". דערנאָך באַזעצט זיך וו. אין ווין, וואו ער שפּילט אַ לענגערע צייט סטאַביל און די לעצטע יאָרן נאָר פון צייט צו צייט, אָפּגעבנדיק זיך דער עיקר מיט צושטעלן פאַרן טעאַטער קאָסטיומען פון זיין אייגענער גאַרדעראָב.

וו. איז אַ געוויסע צייט אַרומגעפאָרן מיט אַ פּאָנאָגראַף, מיט וועלכן ער פלעגט (פאַר אַ קליינעם איינטריט-געלט) פאָרשפּילן חזנישע „קאָמפּאָזיציעס" און יידישע טעאַטער-לידער.

וו. האָט זיך אויך באַטייליקט אין פילם „די שטאָט אָן יידן" פון הוגאָ בעטויער.

ש. ע.

מ. ע. פון יעקב מעסטעל.

וויינבערג, סאַלטשע
[שרה ליכט]

געבוירן 16 אָקטאָבער 1878 אין פּשעמישל, גאַליציע, אין אַ פֿאַמיליע פֿון האַנטווערקער. אין עלטער פֿון 15 יאָר חתונה געהאַט מיטן אַקטיאָר הערמאַן וויינבערג און אַריינגעטראָטן אין כאָר פֿון דער לעמבערגער פּוילישער אָפּערע, וואו זי האָט אַ קורצע צייט אויך באַקומען קליינע געזאַנג-פּאַרטיעס. וו. גייט איבער אין גימפּעלס יידישן טעאַטער, נאָר צוליב מאַטעריעלע סבות טרעט זי אַריין אין „קאַבאַרעט" פֿון יאַשע האַנד און פֿאָרט דערנאָך אַרום (צוזאַמען מיט איר מאַן) מיט יידיש וואַריעטע איבער אונגאַרן, בולגאַריע, בעמען און דייטשלאַנד. שפּעטער קערט זי צוריק צום יידישן טעאַטער, וואו זי שפּילט אַ קורצע צייט פּרימאַדאָנע-ראָלן און לעצטנס גראַנד-דאַמען, על פּי רוב אין ווין.

וו. האָט זיך אויך באַטייליקט אין אַ טייל פֿאַרשטעלונגען פֿון „די פֿרייע יידישע פֿאָלקס-בינע".

אייניקע קינדער וו.'ס זיינען פֿאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער אַלס מוזיקער.

ש. ע. פֿון הערמאַן וויינבערג און מ. ע. פֿון יעקב מעסטעל.

וויינבערג, סאָניאַ
[קאַרל]

געבוירן 9 מערץ 1888 אין אָדעס, אוקראַאינע. געענדיקט אַ 4 קלאַסיקע רעגירונגס-שול און געלערנט אין אַ פּראָגימנאַזיע.

נאָך אין שול אָנגעהויבן בילדן איר שטים און אין 1905 אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע פֿון מעערסאָן. דערנאָך האָט וו. געשפּילט אַלס פּרימאַדאָנע ביי קאָמפּאַנעיעץ, שפּעטער אַ יאָר ביי סאַבסיי, אייניקע יאָר ביי גענפּער, 3 חדשים ביי קאַמינסקי און קאָמפּאַנעיעץ, ווידער אַ יאָר ביי סאַבסיי, געפֿירט אַ דירעקציע צוזאַמען מיט שוואַרצבאַרד, געשפּילט צו סעזאָנען ביי גענפּער און ביי פּישזאָן, דערנאָך 2 יאָר ביי ליפּאָווסקי, 3 חדשים ביי זאַנדבערג אין לאָדזש, אַ סעזאָן ביי יוליוס אַדלער אין לאָדזש און דערנאָך אין וואַרשעווער צענטראַל-טעאַטער ביי צעלמייסטער.

וו. איז געווען די פֿרוי פֿון דירעגענט און קאָמפּאָזיטאָר שמואל וויינבערג. נאָך איר גט, האָט זי זיך צוריקגעצויגן פֿון דער בינע, אַרויסטרעטנדיק נאָר אין געוויסע פֿאַלן.

מ. ע.

וויינבערג, קאַרל
[חיים הערבסט]

געבוירן 15 פֿעברואַר 1893 אין וואַרשע, פּוילן. פֿאָטער — אַ צוקערבעקער. געענדיקט אַ פֿאָלקשול. פֿון ליבע צום טעאַטער געוואָרן אַ שליח ביי אַקטיאָרן, שפּעטער אַ סטאַטיסט און אין עלטער פֿון 17 יאָר געוואָרן אַ כאָריסט. 1910 — אַרויסגעפֿאָרן מיט אַ גרופּע יונגע יידישע אַקטיאָרן און דעביוטירט אין שטעטל וואָלאַדאַווע אַלס „האָצמאַך". 1912 — געשפּילט אַ קורצע צייט אין דער טרופּע פֿון גאַסטראָלירנדיקן אַברהם אַקסעלראָד און מיטגעפֿאָרן מיט אים קיין טשערנאָוויץ. דערנאָך געשפּילט ביי אַשכנזי אין רומעניע און ווידער ביי אַקסעלראָד אין טשערנאָוויץ. 1915-16 — געשפּילט מיט אַ חברים-טרופּע איבער אונגאַרן, דערנאָך אין טשעכיע, 1917 — אין גאַליציע ביי עבעל, 1918 — אין קראָקע ביי יאַקאָב, 1919-22 — אין לובלין און סביבה א"ד פֿון הערשקאָוויטש, 1923 — ביי חיים סאַנדלער און זייט דאַמאָלט אין פֿאַרשיידענע חברים-טרופּעס.

אין 1916 האָט וו. זיך באַטייליקט אין בודאַפּעסט אין די פֿילמען „ליאָן לעמאַ" און „סימאָן יודיט".

ש. ע.

וויינגאָלד, שלמה
[ספּירידיאָן וואַיקאַ]

געבוירן 9 אויגוסט 1889 אין יאַסי, רומעניע, ביי קריסטלעכע עלטערן (די מוטער — אַן איטאַליענערין, דער פֿאָטער — אַ רומענער). צו 8 חדשים שטאַרבט אים אָפּ זיין פֿאָטער און ווען ער איז אַלט 9 יאָר — זיין מוטער. ניט קאָנענדיק אַריבערטראָגן די באַהאַנדלונג פֿון די אַנדערע פֿאַמיליע-מיטגלידער, אַנטלויפֿט וו. פֿון דער היים. נאָך אין שול געזונגען אין כאָר, ווערט איצט וו. אַריינגענומען אין דער רומענישער אָפּערעטע פֿון ניקאָ פֿאַיאַנאַרו. 2 יאָר שפּעטער קומט ער צוריק קיין יאַסי, וואו זיין פֿאַמיליע פֿאַרשאַפֿט אים די מעגלעכקייט צו לערנען אין גימנאַזיע און נעמען לעקציעס אין קאָנסערוואַטאָריע. אין עלטער פֿון 15 יאָר ווערט וו. אַנגאַזשירט אין דער רומענישער אָפּערן- און אָפּערעטן-טרופּע פֿון גריגאָריאַ, אָבער נאָך אייניקע חדשים צעפֿאַלט זיך די טרופּע און וו. טרעט אַריין אין צירק פֿון טרוצי אַלס אַקראָבאַט און אַלס רומעניש-איטאַליענישער דאָלמעטש און עטלעכע חדשים שפּעטער אין אַ רומעניש רעווי-טעאַטער אין גאַלאַץ, אין וועלכן זיין פּאַרטנער, אַ ייד, באַקענט אים מיט דער יידישער שפּראַך.

1907 פֿאַרלאָזט וו. דאָס רעווי-טעאַטער און איז געצוואונגען אַריינטרעטן אַרבעטן אין אַ יידישער בעקעריי. דאָ האָט ער די מעגלעכקייט אויסצולערנען אייניקע יידישע לידער און טרעט אַריין 1908 אין אַ יידישן וואַריעטע, וואָס פֿירט צו אַ פֿולשטענדיקן איבערבריי מיט זיין פֿאַמיליע. באַהערשנדיק שוין מער די יידישע שפּראַך, טרעט וו. אַריין אין יאַסי אין יידישן אָפּערעטן-טעאַטער, וואו ער שפּילט געזאַנג-ליבהאָבער מיט ס׳רוב ליטורגישער מוזיק ווי „גבריאל" אין „בינקע-פּינקע", „באַרטעלאָ" אין „כל נדרי", „מאָריץ" אין „אייזיק קצב" א. ד. ג.

1911 — פֿאָרט וו. קיין עסטרייך, שפּילט אין גאַליציע און בוקאָווינע אין פֿאַרשיידענע יידישע טרופּעס, דערנאָך אין אַ דייטשן וואַריעטע, שפּעטער אין דער יידישער אָפּערעטן-טרופּע אין ווין (אָוגאַרטענשטראַסע) און אין דער „ווינער יידישער בינע", וואו ער בלייבט ביז 1917. 1918 — אַנגאַזשירט געוואָרן קיין קראָקע אַלס רעזשיסער און שוישפּילער אין דאָרטיקן יידישן אָפּערעטן-טעאַטער און פֿון דאָרט געמאַכט אַ טורנעע איבער בוקאָווינע. זייט 1921 שפּילט וו. אין די טרופּעס פֿון פּוילן.

1914 — איז וו. אין ווין איבערגעגאַנגען צו דער יידישער אמונה, באַקומענדיק דעם נאָמען שלמה בן אברהם.

ש. ע.

ווײַנטרויב, וו.

געבוירן אין לאָוויטש, פּוילן, ביי חסידישע עלטערן. נאָך אַלס קינד פלעגט וו. אין דער היים און אין חדר צייכנען מיט קרייד פאַרשיידענע „מענטשעלעך“. דורך אַ קוזין, וועלכער ברענגט אים אייל־פאַרבן און אַ פּענדזל, נעמט וו. מאָלן און קנעט דערנאָך אויס די פיגורן „דוד און גלית“ א. ד. ג., וועלכע ווערן דורכן אָרטיקן פּוילישן קונסט־קענער טאָרטשינסקי אויסגעשטעלט אויף אַ קונסט־אויסשטעלונג. דער פּוילישער מאָלער סטשעמינסקי אינטערעסירט זיך מיט וו., לערנט אים דאָס פאַך און נעמט אים אויך מיט אויף ווייטע אויספלוגן צו באַקענען זיך מיט דער נאַטור.

אין 1909 קומט וו. אין וואַרשע און מיט שווערער מי געלינגט אים אַריינצוטרעטן אין דער מאָלער־אַקאַדעמיע, שפּעטער שיקט אים דער פּאָרזיצער פון דער פּוילישער קונסט־געזעלשאַפט „זאַכענטאַ“ קיין פּאַריז, וואו וו. שטודירט און מאָלט טעאַטער־דעקאָראַציעס.

צוריקגעקומען אין וואַרשע, ווידמעט זיך וו. דעם יידישן טעאַטער, פאַר וועלכן ער שאַפט די דעקאָראַציעס צו גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ“, קאַצענעלזאָנס „קאַריקאַטורן“, אָפּאַטאָשוס „היים בלוט“, ראַלאָנס „וועלף“, בראָדערזאָנס „דוד און בת־שבע“, אַשס „קדוש השם“, מלאַדס „פאַרקויפטע הערצער“ [געשפּילט אויך א״נ „איבערגוס“ און „גאַסן־מיידלעך“], אַניעלס „די תאוה“ א. א.

וו. האָט באַזונדערס זיך געווידמעט דער יידישער קליין־קונסט־בינע און געמאָלן פיל דעקאָראַציעס פאַר „אַזאַזעל“ און „סמבטיון“.

ש. ל. שניידערמאַן — ביים מאָלער וו. ווײַנטרויב, „ליטב״ל“, 135, 1926.

ב. ז—ן. — דער גרויסער פּרוב פון קליינקונסט־טעאַטער „אַזאָזעל“, „נפ״בל“, לאָדז, 13 יוני 1926.

מיכאל וויכערט — „טעאַטער און דראַמע“ II, זז. 18-20, 63-66.

מאַקס געליר — ווען עס האָבן זיך צעשאָטן זיינע ערשטע ליום־פיגורן, „קליינע פאָלקסצייטונג“, וואַרשע, 1 יוני 1928.

וו. ווײַנטרויב — די באַדייטונג פון דעקאָראַציע אין טעאַטער, „ליט״בל“ 8, 1930.

ווײַנטרויב, זיגמונט

געב. נאָוועמבער 1874 אין בעלז, בעסאַראַביע. עלטערן — באַזיצער פון אַ גאַלאַנטעריי־געשעפט. ביז 11 יאָר געלערנט אין חדרים און אין אַ רעגירונגס־שול, שפּעטער ביי לערער.

אין 1888 עמיגרירט ער קיין ניו־יאָרק, וואו ער ווערט אַ פוטער־אַרבעטער, לערנט ווייטער און טרעט אַריין אין כאָר פון גאָלדפאַדענס דראַמאַטישן קרייז, שפּעטער אין פיינמאַנס דראַמאַטישער שול. דאָ טרעט ער אַרויס צום ערשטן מאָל אין אַ קליינער ראָל אין „די פאַרבלאָנדזשעטע נשמה“, שפּעטער אין זעלבן קרייז אויף גאָרדינס נאָמען אַלס „דוד משהלעס“ אין גאָרדינס „קעניג ליר“ און פון צייט צו צייט שפּילט ער אַלס „ליבהאָבער“ אין אַדלערס טרופּע.

1892-3 ווערט וו. אַנגאַזשירט אַלס פּראָפעסיאָנעלער אין שפּאַבנערס אָפּטיילונג פון „טאַליאַ“ טעאַטער פאַר פילאַדעלפיע מיט פיינמאַנען אין דער שפּיץ. אָבער די טרופּע האַלט לאַנג ניט אָן.

די ניו־יאָרקער אַקטיאָרן פאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק, און וו. מיט נאָך איניקע קלענערע אַקטיאָרן בלייבן שפּילן אין פילאַדעלפיע. צו זיי קומען צו קעסטין און פרענק און צוזאַמען פאָרן זיי אַרום 6 יאָר איבער דער פּראָווינץ. דאַמאָלט ברייגנט אים טאָמאַשעווסקי קיין ניו־יאָרק, וואו וו. הויבט אָן שפּילן אין אַ וואַריעטע־טעאַטער מיט זיין איבערזעצטן איינאַקטער „ער און זי“. דערנאָך שפּילט ער אַנדערע אַליין־איבערזעצטע און באַאַרבעטע איינאַקטערס.

וו. גרינדעט דאַן די אַקטיאָרן־יוניאָן לאָקאַל 5.

שפּעטער ווערט וו. אַ מיטגליד אין דער אַקטיאָרן יוניע, און אויף אַ געוויסער צייט אויך איר פּרעזידענט, שפּילט אַ סעזאָן אין ווינדזאָר טעאַטער ביי טאָמאַשעווסקין, אין פּיפּלס־טעאַטער און דערנאָך אין נײשאָנאַל (10-11 סעזאָנען). איין סעזאָן פאָרט ער מיט ליפּצין איבער דער פּראָווינץ, צו איינצלנע סעזאָנען מיט ליפּצין, אַדלער־מאָשקאָוויטש, ראָזאַ קאַרפּ אין ליבערטי, וואו ער ווערט אויך אַ מיט־דירעקטאָר, דערנאָך ווערט ער אַליין דירעקטאָר פון ליבערטי־טעאַטער און שפּילט דאָרט ביז 1919. 1920 — געשפּילט מיט בערל בערנשטיין אַ סעזאָן אין שיקאַגאָ, 1921 אין אוירווינג־פּליים־טעאַטער אין ניו־יאָרק און 1922-3 אין פּראָספּעקט־טעאַטער און איבער דער פּראָווינץ.

וו. האָט זיך באַטייליקט אין סידני גאָלדינס פילם „דעם הויקערס ראָמאַן“.

אין 1923 האָט וו. זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע און געעפנט אין ניו־יאָרק, צוערשט אַליין, דערנאָך צוזאַמען מיט ע. וו. רעלקין, אַ טעאַטער־ביוראָ, וואָס אַראַנזשירט די גאַסטראָלן פון טרופּעס און „סטאַרס“ איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ.

מ. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II, ז. 179.

יעקב קירשענבוים — קונסט און קינסטלער, „דיא אידישע וועלט“, קליוולאַנד, יוני 1915,

אוריאל מזיק — בילדער־גאַלעריע פון אונזערע אידישע שוישפּילער, „דער טאָג“, נ. י., 12 יאַנ. 1918.

ווײַנטרויב־גראַף, לאה

געבוירן 10 סעפּטעמבער 1888 אין באַטאָשאַן, רומעניע. פאָטער — געאַרבעט ביים יידישן טעאַטער. אַ יאָר שפּעטער טראָגט זיך איבער די פאַמיליע קיין בוקאַרעסט, וואו וו. לערנט אין דער עוואַנגעלישער שול און יידיש — אין דער היים.

צוליב דעם וואָס אירע עלטערן וואוינען אין בנין פון יידישן זשיגניצאַ־טעאַטער, ווערט וו. אויפגעצויגן מיט אַקטיאָרן און אין עלטער פון 14 יאָר ווערט זי אַריינגענומען אין כאָר פון דער טרופּע, וועלכע לאָזט זיך אַרויס אויף דער פּראָווינץ. וו.׳ס ערשטע ראָל איז געווען „אַ חסידל“ אין דער אָפּערעטע „די יידישע וועלט“ ביי סעגאַלעסקאָ־גאָלדענבערג. נאָכן אָפּפאָר פון דער פּרימאַדאָנע בעטי גוטענטאַג, ווערט וו. בעל־כרחה אַ פּרימאַדאָנאַ און שפּילט אַזוי איבער דער פּראָווינץ. זייט 1908 שפּילט וו. אין ווין, טשערנאָוויץ, פּאַריז, גאַליציע, אונגאַרן און דייטשלאַנד.

וו. איז געווען איינע פון די ערשטע מיטגלידער און הויפּטראָליסטן אין דער „פרייע יידישע פאָלקס־בינע“ און נאָכדעם ווי די טרופּע איז זיך צעפאַלן, איז וו. צוריק אַריין אין אָפּערעטן־טעאַטער אין ווין.

מ. ע.

„פּרעסעשטימען פון דער פרייער יידישער פאָלקסבינע“, ווין.

וויינטרויב, פּרענצים

[פּייגע]

געב. 5 אָקט. 1895 אין ניו־יאָרק, אַמעריקע. עלטערן — די אַקטיאָרן רבקה און זיגמונד וויינטרויב. געלערנט אין פּאַבליק און האַי־סקול.

אין דעצעמבער 1919 טרעט זי אויף צום ערשטן מאָל אין „אַ גרוס פון פּוילן" אין ליבערטי טעאַטער, וואו זי שפּילט צוויי סעזאָנען, דערנאָך אַ יאָר אין שיקאַגאָ, 6 חדשים אין מאָנטרעאַל און 1923-30 אין סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער אין ניו־יאָרק.

מ. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע", „מאָ"זש", ניו־יאָרק, 13 יאַנ., 1928.

וויינטרויב, רבקה

[פּוספעלד]

געבוירן 1874 אין בראָד, גאַליציע. עלטערן — אָרעמע שניידערס, האָבן אויסגעוואַנדערט מיט דער פאַמיליע קיין אַמעריקע. דאָ האָט וו. געאַרבעט אַלס שניידערין און איז אַריינגעטראָטן אין גאָלדפאַדען־פּאַריין, שפּעטער אין זיגמונד פיינמאַנס דראַמאַטישער שול און באַטייליקט זיך אין גאַרדען־דראַמאַטישן קרייז. דאָ באַקענט זיך מיט זיגמונד וויינטרויב, האָט מיט אים חתונה און הייבט אָן שפּילן פּראָפעסיאָנעל אין אַדלערס גרענד־סטריט־טעאַטער אין ניו־יאָרק. דערנאָך פאָרט זי אַרום מיט איר מאַן, קעסטין און פרענק איבער דער פּראָווינץ און טרעט אַריין שפּעטער אין די וואַריעטע־טעאַטערס אין ניו־יאָרק.

דערנאָך שפּילט וו. אייניקע יאָר ביי טאָמאַשעווסקין אין פּיפּלס און אין נייִשאַנאַל־טעאַטער און ביז 1928 אין סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער, 1928-30 אין פאָלקס־טעאַטער.

מ. ע.

אַלטער עפּשטיין — אינטערעסאַנטע מאָמענטן פון אַקטיאָרען־לעבען, „דער טאָג", נ. י. 23 יוני 1918.

וויינטרויב, שמחה

געבוירן 4 פעברואַר 1890 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַ בוי־אונטערנעמער. ביז 14 יאָר געלערנט אין אַ חסידיש־שטיבל און לימודי־חול ביי אַן עלטערער שוועסטער.

1906 — דעביוטירט אין וואַרשעווער זשאַרדען ד'היווער א"ר פון מאַרק אַרנשטיין און דערנאָך געפאָרן קיין לאָנדאָן. דאָרט אַנגאַזשירט געוואָרן צו יוסף גאָלדשמידט און געשפּילט ביי אים 8 חדשים אין מאַנטשעסטער, דערנאָך צוריקגעקומען אין לאָנדאָן און געשפּילט אין דראַמקרייז ביים אַרבעטער־רינג (רעזשי סעמועל גאָלדענבורג). 1910 — געשפּילט אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער אין אַנטווערפּען ביי מ. ד. וואַקסמאַן, דערנאָך אין בערלין ביי יעקב זילבערט און 1913 — אין פּאַריז ביי מאָריס אַקסעלראָד. מלחמה־צייט ביז 1921 — געשפּילט אין רוסלאַנד. 1921-6 — אין וואַרשעווער צענטראַל־טעאַטער און אין אַנדערע טעאַטערס, 1926 — מיט קאָמפּאַניעץ אין רומעניע, 1927 — אַרומגעפאָרן אויף אַ טורנע מיט לידיע פּאָטאָצקאַ און 1928 — איבער פּוילן מיט יעקב זילבערט.

ש. ע.

וויינער, באָריס

געבוירן 17 אויגוסט 1895 אין פּיעטראָקאָוו, מינסקער גוב., ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַ וואַלד־סוחר. באַקומען אַ נאַציאָנאַל־יידישע דערציאונג און אויך געלערנט אַלגעמיינע לימודים. אין עלטער פון 13 יאָר זיך גענומען אינטערעסירן מיט מוזיק, שפּעטער זיך באַטייליקט אין אָרקעסטערס און אויך אַרויסגעטראָטן אַלס סאָליסט אויף קאָנצערטן.

1914 — געקומען אין אַמעריקע. דאָ אַריינגעטראָטן אין אַ דראַמאַטישן קלוב און שפּעטער אַרומגעפאָרן שפּילן איבער דער פּראָווינץ. ווען בן־עמי עפנט דאָס גאַרדען־טעאַטער, ווערט וו. דאָרט אַנגאַזשירט אויף עפּיזאָדן־ראָלן און נאָכן שפּילן אַ יאָר, גייט וו. איבער אין יידישן קונסט־טעאַטער, וואו ער שפּילט אייניקע יאָר אין עפּיזאָדן־ראָלן.

ש. ע. דורך א. צפורי־בליוי.

וויינפּער, ז.

[זישע וויינפּערליך]

געבוירן 14 אַפּריל 1892 אין טריסק, וואָלין. פאָטער — חזן ביים טריסקער רבי. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדרים, דערנאָך אין די ישיבות פון ראָוונע און בריסק. צו 16 יאָר זיך גענומען צו לימודי־חול. געוואוינט אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט פון פּוילן און אוקראַינע. זיך באַשעפטיקט טיילווייז מיט בוכהאַלטעריע און טיילווייז מיט לערעריי. צוליב מיליטער־דינסט אויסגעוואַנדערט צו 21 יאָר קיין אַמעריקע, וואו ער האָט געטאָן פאַרשיידענע מלאכות, ביז ער איז געוואָרן אַ לערער אין די יידישע שולן. דעביוטירט אין 1914 מיט אַ ליד אין „דאָס אידישע פאָלק" און זייט דאַמאָלט געוואָרן אַ רעגולערער מיטאַרבעטער און שפּעטער רעדאַקטאָר פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע אויסגאַבן.

וו. האָט פאַרפאַסט „דאָס פאַר'כשוף'טע לאַנד", דראַמע אין 3 אַקטן (געדר. „אויפקום" 1-3, 1929) און פיל איינאַקטערס פאַר קינדער. פון זיי איז „אַ מאָל און אַ מאָל" געדרוקט געוואָרן אין „די קליינע פאָלקסצייטונג", וואַרשע, 22 יוני 1928 און איז אין 1929 אויפגעפירט געוואָרן פון שרה קינדמאַן אין דער אַרבעטער־רינג־שול אין פּיטסבורג.

ז. רייזען — „לעק. ייד. ליט." I, זז. 949-50.

ווײַנרײַך, מאַקס דר.

[מאיר]

געבוירן 22 אַפּריל 1894 אין גאָלדינגען, קורלאַנד. פאָטער — אַ סוחר. ביז 9 יאָר געלערנט אין אַ האַלב מאָדערניזירטן חדר, דערנאָך אין דער „גימנאַזיע פון קורלענדער אַדעל" און פאַרלאָזט די 5-טע קלאַס צוליב דעם אַנטיסעמיטישן גייסט פון דער פּריצישער אַנשטאַלט. 1908 — פאַרבראַכט אין ווילנע, וואו ער לערנט פּריוואַט העברעאיש. 1912 — מאַטוּאירט אין פּעטערבורג. 1913-17 — געלערנט אין פילאָלאָגיש-היסטאָרישן פאַקולטעט פון פּעטערבורגער אוניווערזיטעט. זינט 1919 שטודירט גערמאַניסטיק אין בערלין און מאַרבורג און 1923 באַקומען דאָס דאָקטאָראַט.

זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט האָט וו. אָנגעהויבן מיט קאָרעספּאָנדענציעס אין „די האָפנונג" און איז באַלד געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע יידישע זשורנאַליסטן, איבערזעצער און רעדאַקטאָרס.

וו. ווידמעט זיך באַזונדערס דער יידישער פילאָלאָגיע, באַזוכט צו דעם צוועק די גרויסע וועלט-ביבליאָטעקן אין אייראָפּע און אַמעריקע און איז איינער פון די הויפּט-גרינדער פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוו"א) אין ווילנע.

וו. האָט אַרויסגעגעבן „אַלע כתבים פון דר. שלמה עטינגער" לויט די מאַנוסקריפּטן מיט אַ ביאָגראַפישן און ביבליאָגראַפישן אַריינפיר און מיט הערות (פ"ג ב. א. קלעצקין, ווילנע, 1925), האָט איבערזעצט א"פ שרה ברענער ערנסט טאָלערס דראַמען „מאַסע מענטש" (פ"ג „די וועלט", וואַרשע, 1922) און „דער איבערקער" (יידישער קולטור-פ"ג, בערלין 1923), האָט איבערזעצט פון גריכישן אָריגינאַל אַ טייל פון סאָפאָקלס „קיניג אוידיפוס" (600 פערזן פון 1600. אַ טייל דערפון פאַרעפנטלעכט אין „צוקונפט", מערץ, 1921, און 150 שורות איבערגעדרוקט אין ש. באַסטאָמסקיס און מ. חיימסאָנס כרעסטאָמאַטיע „דאָס נייע וואָרט", ווילנע, 1926), האָט געשריבן פיל היסטאָריאָגראַפישע אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער און האָט פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט וועגן די מכירת יוסף-שפילן, וואָס ער האָט געזאַמלט.

וו. האָט אויך אויפגעפירט מיט די תלמידים פון ווילנער לערערסעמינאַר „אַ מכירת יוסף-און אחשורוש-שפיל" און אהרן האַלע וואָלפּסאָנס „לייכטזין און פרעמליי".

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 951-4.

ב. מ. — די אויפפירונג פון מכירת-יוסף שפיל, „ליט"בלט" 52, 1925.
מיכאל וויכערט — „טעאַטער און דראַמע", I, זז. 187-91.

ווײַנשטאָק, אײַזיק

[געב. 24 דעצ. 1890 — געשט. 16 מאַי 1922]

געבוירן 24 דעצעמבער 1890 אין יאַנעלניצאַ, מזרח-גאַליציע, אין אַ משכיליש-אָרטאָדאָקסישער היים. געלערנט ביז 15 יאָר אין חדר און גלייכצייטיק אין בעראָן הירש-פאָלקסשול. פילנדיק זיך גייסטיק ענג אין יאַנעלניצאַ, פאָרט וו. קיין טשערנאָוויץ, וואו ער טרעט אַריין אין דער דאָרטיקער האַנדלסשול. אָבער אויך דאָ געפינט ער זיך נישט און טרעט אַריין אין גימנאַזיע, ליידנדיק דערביי דחקות און נויט. אַ קורצע צייט שפּעטער פאָרט וו. קיין ווין, וואו ער לערנט אין „רעפאָרם-ליצעאום". דאָ הייבט ער אָן קאָרעספּאָנדירן אין קראָקעווער „טאָג" א"ר פון יונה קרעפּל, און ווען די צייטונג גייט איבער אין רשות פון פירער פון די גאַליצישע אַסימילאַטאָרן, דר. לעווענשטיין — גייט וו. איבער אין „לעמבערגער טאָגבלאַט".

1911 — קומט וו. אין לעמבערג און ווערט אין דאָרטיקן „טאָגבלאַט" אַן אינערלעכער מיטאַרבעטער ביז צום אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה. סוף 1919 ווידער אַריינגעטראָטן אין רעדאַקציע, וואו ער אַרבעט ביז זיינע לעצטע טעג.

וו. איז געווען סעקרעטאַר פון יידישן ליטעראַטן- און זשורנאַליסטן-קלוב אין לעמבערג.

באַקאַנענדיק זיך נאָנט מיטן לעמבערגער יידישן טעאַטער, שרייבט וו. פאָלגנדיקע פּיעסן: „דער יום-הדין", אַ פאָלקסשטיק אין 4 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג, וואָס ווערט אַ שלאָגער אין לעמבערג און ווערט אויך זייער אָפט געשפּילט איבער דער גאַליצישער פּראָווינץ, „דער נייער דור", אַ דראַמע אין 4 אַקטן, „די שרעקלעכע ודוי", אַ דראַמע, און דעם איינאַקטער „דער יונגער קעמפער" — אַלע געשפּילט מיט אַ מאַטעריעלן דערפאָלג.

וו. האָט אויך איבערזעצט פאַרן לעמבערגער יידישן טעאַטער, וואו ער איז אַ געוויסע צייט געווען סופלער, שילערס „רויבער" און „מאַריאַ סטואַרט" און שעקספּירס „שיילאָק" און „מאַקבעט".

וו. איז געווען אַ מיטגליד פון דער יידישער אַרבעטער-בינע „יעקב גאָרדין" און האָט פאַרטראָטן די לעמבערגער אַרטיסטן אויפן יידישן אַרטיסטן-צוזאַמענפאָר אין וואַרשע.

דעם 16 מאַי 1922 איז וו. געשטאָרבן אין לעמבערג.

נאָך וו.'ס טויט איז אויפגעפירט געוואָרן אין לעמבערג זיין אָפּערעטע „אונזער מגן-דוד" (מוזיק פון חנא וואָלפּסטאַל).

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, ז. 955.

נעקראָלאָגן פון י. שפּיגעל, בן-ציון גינסבערג און דר. משה לוסטיג אין „טאָגבלאַט", לעמבערג, 18 מאַי 1922.

ווײַנשטאָק, יוסף

[געב. 19 אַפּריל 1858 — געשט. 2 אַפּריל 1930]

געב. 19 אַפּריל 1858 אין קרעמעניץ, וואָלינער גוב. פאָטער — ראַבינער. געענדיקט 4 קלאַסן גימנאַזיע און די ראַבינער-שול אין זשיטאָמיר. נאָך אין גימנאַזיע זיך באַטייליקט אין די שילער-פאָרשטעלונגען.

אַלס נאָענטער קרוב פון גאָלדפאַדען טרעט וו. אַריין אין זיין טרופּע אין אָדעס, אין רעמעסלענני קלוב און שפּעטער אין מאַרינסקי טעאַטער, זיינע ערשטע ראָלן זיינען: „גיבערמאַן" אין גאָלדפאַדענס „ברײַנדעלע קאָזאַק", „פאָטער" אין „די קאַפּריזנע טאָכטער", „מנוח" אין „שולמית".

נאָך אַ קורצער צייט שיקט אים ג. אַרויס מיט אַ טרופּע אויף דער פּראָווינץ, און אַזוי באַרייזט וו. רוסלאַנד, אוקראַאינע, פּוילן, קורלאַנד, ליפלאַנד, לעטלאַנד, ווידער פּוילן, רומעניע, גאַליציע, עסטרייך, אונגאַרן. על פּי רוב שפּילט די טרופּע אין קעלערס, שטאַלן, מאַגאַזינען, און זייער וויניק אין זאַלן אָדער ספּעציעלע טעאַטערבנינים. פיל מאָל פלעגט די טרופּע גיין צו-פוס פון איין שטאָט אין דער אַנדערער.

אין 1883 שפּילט וו. מיט זיין טרופּע אין לאָדזש אין פּאַנעלסטעאַטער, אָבער צוליבן פאַרווער אויף יידיש טעאַטער פאָרט ער מיט זיין טרופּע (גאָלדשמידט, אבא שיינגאָלד מיט זיין פרוי מאַנ-

טשיקל, שרה גאָלדשטיין — שפּעטער קאַרפּ, לייזער צוקערמאַן, מינדל צוקערמאַן, קויפמאַן, פרוי זאַקס, שואל וויינשטיין, ראָזאַ וויינשטיין, ספּיוואַקאָווסקי, זרח ווינאַוויטש, בעטי ווינאַוויטש, ליפּצין, סאָפיע פרידמאַן) קיין דייטשלאַנד אַלס „אָריענטאַלישע אָפּערעטען-געזעלשאַפט", שפּילנדיק „שולמית" אויף „דייטש" א"נ „די טאָכטער פון אָריענט".

אייניקע חדשים שפּילט די טרופּע „שולמית" אין קעניגסבערג, דאַנציג, בערלין און לייפּציג, וואו מען פאַרווערט די ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען ווייל דאָס טעאַטער איז נאָר קאָנצעסיאָנירט אַלס וואָדעוויל-טעאַטער. נאָך אַ קורצער צייט שפּילן אין ברעסלוי און קעניגסבערג פאָרט וו. קיין פּוילן, וואו ער וואַנדערט אַרום אַ יאָר איבער דער פּראָווינץ, ביז ער באַקומט דאָס טעאַטער עלדאָראַדאָ אין וואַרשע, און הויבט ווידער אָן שפּילן „שולמית" אויף „דייטש". אָבער דאָס יידישע פּובליקום פאַרשטייט ניט דאָס דייטש, און וו. מוז אָנהויבן צוריק „פאַריידישן" „שולמית". כדי צו באַקומען די פּאָליציייאישע דערלויבניש צו שפּילן יידיש, איז וו. געצוואונגען אויסצוהאַלטן אויף זיין חשבון אַ רוסישע אָפּערעטען-טרופּע, וועלכע זאָל שפּילן אַ האַלבע וואָך אין זעלבן טעאַטער.

אין משך פון די 2 יאָר שפּילן אין וואַרשע ברענגט וו. אויך אַהער גאָלדפאַדענען און שייקעוויטשן. דערנאָך שפּילט וו. אַ קורצע צייט אין לאָדזש און ווערט אַנגאַזשירט צו טרייטלערן אין קראָקע, פאָרט שפּעטער איבער דער גאַליצישער פּראָווינץ און נאָכדעם ווי גימפּעל עפנט אַ יידיש טעאַטער אין לעמבערג, איז וו. דאָרט מיטבאַטייליקט. אין 1889 פאָרט וו. מיט אייניקע אַקטיאָרן קיין פּאַריז אין דער גאָלדפאַדען-טרופּע, און אַ האַלב יאָר שפּעטער פאָרט ער צוזאַמען מיט גאָלדפאַדען צוריק קיין לעמבערג, דערנאָך אָרגאַניזירט ער אַן אייגענע טרופּע, מיט וועלכער ער שפּילט אין משך פון אייניקע יאָר איבער אונגאַרן, רומעניע, בולגאַריע, סערביע, טערקיי און עגיפּטן. שפּעטער שפּילט וו. אין די טרופּעס פון רומעניע, טשערנאָוויץ, גאַליציע, בודאַפּעסט, בערלין, ווידער בודאַפּעסט און בערלין פון וואַנען ער פאָרט, אין 1901, אויף דער איניציאַטיוו פון גאַסטראָלירנדן טאָמאַשעווסקי, קיין אַמעריקע, וואו ער שפּילט כמעט מיט אַלע יידישע טרופּעס פון אַמעריקע און קאַנאַדע.

וו. האָט זיך אויך פון צייט צו צייט פאַרנומען מיט חזנות. אין די לעצטע יאָרן, וואוינענדיק אין שיקאַגאָ, פלעגט וו. ניט פּעריאָדיש מיטשפּילן אין די דאָרטיקע טרופּעס. סוף סעזאָן 1929-30 איז וו. מיטגעפאָרן אויף דער פּראָווינץ מיט מיכאַלעסקאָס גאַסטראָלירנדיקער טרופּע און איז דעם 2 אַפּר. 1930 געשטאָרבן אין מילוואָקי פון וואַנען מען האָט אים איבערגעפירט קיין שיקאַגאָ.

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I, זז. 238, 240, II, ז. 143.
יעקב קירשענבוים — קונסט און קינסטלער, „די אידישע וועלט", קליוולאַנד, 14 יוני, 1914.
לעד פּענסיל — אַ געזונטער גוף מיט אַ פאַרבענקטער נשמה, „פאָרוו.", שיקאַגאָ, 25 אַפּר., 1919.
ש. זאַמד — האָט געלעבט אויף דער ביהנע און איז געשטאָרבן אויף דער ביהנע, „פאָרוו.", שיקאַגאָ, 7 אַפּריל 1930.

וויינשטאָק, סאָפיע
[פרידמאַן]

געבוירן 1866 אין דווינסק, לעטלאַנד, ביי בעל-הביתישע עלטערן. פאָטער — אַ סוחר פון פּוטערוואַרג. צוליבן פאָטערס טויט האָבן די קינדער געמוזט אָנהויבן אַרבעטן און אויסהאַלטן די שטוב און וו. ווערט אַ רעטושירערין ביי אַ פאָטאָגראַפיסט.

אין 1881 באַקענט זי זיך מיטן אַקטיאָר יוסף וויינשטאָק, וועלכער נעמט זי אַרויף אויף דער בינע. נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט ביי גימפּעלען אַלס פּרימאַדאָנאַ, מאַכט זי מיט אַלס אַקטריסע דעם זעלבן עטאַפּ וואָס איר מאַן יוסף וויינשטאָק. אין 1901 קומט וו. אין אַמעריקע און דאָ ציט זי זיך צוריק פון דער בינע.

ש. ע. פון י. וויינשטאָק.

וויינשטיין, [?]

אַן אָדעסער. געזונגען אַלס טענאָר צוזאַמען מיט סאַבסיי אין די וויין-קעלערס פון אָדעס, דערנאָך אַריינגעטראָטן אין כאָר צו קאָמפּאַנייעץ און שפּעטער געשפּילט ליבהאָבער-ראָלן אין סאַבסיים טרופּע.

מ. ע. פון א. ג. קאָמפּאַנייעץ.

וויינשטיין, איטע
[געב. 1838 — געשט. 26 יאַנואַר 1924]

געבוירן 1838 אין דרום-רוסלאַנד. פרוי פון אַקטיאָר שואל וויינשטיין. האָט אָנגעהויבן איר בינע-טעטיקייט ביי גאָלדפאַדען און דערנאָך געשפּילט אין די ערשטע יידישע טרופּעס. אויף דער עלטער געבליבן אין וואַרשע און דאָרט געווען אַ בילעטערין אין קאַמינסקים טעאַטער, אָבער בעת קאַמינסקי פירט אויף אין 1916 שמ"רס „טרייפּניאַק", גיט ער וו. ווידער צו שפּילן די ראָל „פּעסעלע", דורך וועלכער זי האָט פריער זיך אַזוי פּאָפּולער געמאַכט אין דער יידישער טעאַטער-וועלט.

דעם 26 יאַנואַר 1924 איז וו. געשטאָרבן אין אַ מושב-זקנים אין וואַרשע. די לויה איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורכן יידישן אַרטיסטן-פאַריין אין פּוילן.

מ. ע. פון ה. פיינשטיין און זישע קאַץ.

נעקראָלאָג אין „די יידישע בינע", וואַרשע, 1, 1924.

וויינשטיין, בערנאַרד

געבוירן 10 יולי 1866 אין אָדעס, אוקראַינע, אין אַן אָרעמער פאַמיליע. יונג געוואָרן אַ יתום, קומט אַן וו. אַלס איבערשרייבער צו אַן אַדוואָקאַט. אָפט באַזוכט די וויינקעלערס, וואו ס'פלעגן אַרויסטרעטן די יידישע פאָלקסזינגער.

אין עלטער פון 16 יאָר אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. דאָ אַריינגעטראָטן אַרבעטן אין אַ סיגאַר-פאַבריק און באַלד געוואָרן טעטיק אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, הויפּטזעכלעך אַרום אָרגאַניזירן די יוניאָנס. 1888 — אויסגעוויילט

געוואָרן אַלס ערשטער סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן. זייט 1890 זשורנאַליסטיש טעטיק, ווערט ער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" און גיט דערנאָך אַרויס אין באַזונדערע ביכער זיינע זכרונות וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע.

צווישן זיינע זכרונות האָט וו. אויך פאַרעפנטלעכט („פאָרווערטס" 18 אַפּריל, 14 מאַי 1924, 30יאָריקער יובילײ־נומער און 24 אַפּריל 1927) אייניקע בלעטלעך זכרונות וועגן די יידישע פאָלק־זינגער אין אָדעס, וועגן די ערשטע פאָרשטעלונגען אין אָדעס (1879), די ערשטע יידישע פאָרשטעלונגען אין אַמעריקע (1882-83), די געשיכטע פון די יידישע וואַריעטע־טעאַטערס אין אַמעריקע און פון די יידישע אַקטיאָרן און כאָריסטן־יוניעס.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 957-8.

„גאָלדפאַדען־בוך", ניו־יאָרק, 1926, ז. 90.

ב. וויינשטיין — די ערשטע טעאַטער־פאָרשטעלונג אין אַמעריקע („טעאַטער זכרונות", רעד. ז. זילבערצווייג), ווילנע, 1928, זז. 69-72.

ב. וויינשטיין — „די אידישע יוניאָנס אין אַמעריקע", ניו יאָרק, 1929, זז. 125-136.

וויינשטיין, שואל

[געב. — געשט. בערך 1896]

ווי גאָלדפאַדען האָט איבערגעגעבן ש. ל. ציטראָנען, האָט וו. געזונגען אייניקע יאָר אַלס באַס ביים מינסקער שטאָט־חזן ישראלקע שאַוועלזאָן. שפּעטער איז וו. געקומען אין אָדעס און דאָרט געוואָרן אַ פאָלקסזינגער, און ווען ראָזענבערג און ספּיוואַקאָווסקי שטעלן צונויף אין 1879 די ערשטע יידישע טרופּע אין אָדעס, נעמען זיי צו זיך אַריין וו., וועלכער בלייבט אויך דאָרט ווען גאָלדפאַדען פאַראייניקט זיך מיט דער דאָזיקער טרופּע. וו. זאָל אויך האָבן דער ערשטער געשפּילט די טיטל־ראָל פון „די כשופמאַכערין".

יעקב פּ. אַדלער כאַראַקטעריזירט וו. אַזוי: „געווען איז עס אַ ייד מיט אַ געלער באָרד, מיט אַ צעקנייטשט פּנים, אַזוי רירעוודיק און רייך אין גרימאַסן, אַז ער האָט, דאַכט זיך, געקאָנט שפּילן אָן פאַרב און אָן שמינקע".

שפּעטער האָט זיך וו. ראַזירט די באָרד און איז אויפגעטראָטן אַלס „די באָבע" אין גאָלדפאַדענס אויפפירונג פון „די באָבע מיטן אייניקל" אין אָדעס. [עס איז אַלזאָ מעגלעך, אַז וו. איז דאָרט געווען דער ערשטער צו שפּילן די „באָבע" אין „באָבע מיטן אייניקל", נישט „די באָבע" אין „די כשופמאַכערין"].

לויט גאָלדפאַדען האָט „וו. תמיד מייסטערהאַפט געשפּילט די שווערסטע פרויען־ראָלן אין די פאַרשיידנסטע פּאָזעס [כאַראַקטערן], פון אַ יונגער פאַרליבטער ביז אַ זקנה פון אַ יאָר אַכציק".

נאָכן אַרומפאָרן איבער רוסלאַנד מיט פאַרשיידענע טרופּעס, וואַנדערט אויס וו., נאָכן פאַרווער אויף יידיש טעאַטער, קיין דייטשלאַנד מיט דער בערגער־טרופּע און דערנאָך מיט ספּיוואַקאָווסקי און וויינשטאָק קיין וואַרשע, פון וואַנען ער פאָרט קיין לעמבערג. דאָ פאַרקילט ער זיך, ווערט אַריינגענומען אין אַ קריסטלעך שפּיטאָל, וואו ער שטאַרבט בערך 1896, ווערט געפּלמסט און, בסוד פון די יידישע אַקטיאָרן, צוגעגרייט צום אָפּפירן אויפן קריסטלעכן בית־עולם, נאָר מיט שווערער מי געלינגט עס די דאָרטיקע יידישע

אַקטיאָרן אים צו ברענגען צו קבר ישראל אין געשענקטע תכריכים.

מ. ע. פון יעקב קאַצמאַן און משה שאָר.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." I, זז. 209, 238, 240.

ש. ל. ציטראָן — „דריי ליטעראַרישע דורות" I, זז. 5-44.

יאַקאָב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „דיא וואַרהייט", נ. י. 18, 29 אָקטאָבער 1916.

ווײנשעל, ברוך

[געב. — געשט. 12 אויגוסט 1918]

איינער פון די יונגע יידישע אַקטיאָרן פון נייעם דור. וו. איז אויפן ערשטן מאָסקווער דעלעגאַטן־צוזאַמענפאָר פון די יידישע אַקטיאָרן אויסגעקליבן געוואָרן אין ראַט פון פאַריין.

וו. איז דעם 12 אויגוסט 1918 געשטאָרבן פון אַ פאַרקילונג אין ביעלאַ־צערקאָוו.

ברוך וויינשעל (נעקראָלאָג) — „דער אידישער אַרטיסט", כאַרקאָוו, 1, 1918.

וויים, דזשאָו

[יוסף־לייב]

געבוירן יולי 1876 אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — סוחר פון פוטערוואַרג, וועלכער וואַנדערט אויס שפּעטער קיין אַמעריקע. געלערנט אין חדר און דערנאָך אין אַ רומענישער שול. אין עלטער פון 12 יאָר געקומען אין אַמעריקע, לערנט דאָ וו. אין נייט־סקול, ווערט אַ שיק־יינגל אין אַ בלעך־פאַבריק און אַרבעט דערנאָך אין אַ מעש־פאַבריק, ביי קינדער־מלבושים און ביי היטלעך. שפּעטער לערנט ער אַ יאָר אין דער האָלץ־שניצעריי־שול פון באַראָן הירש, אַרבעט אַ קורצע צייט ביים דאָזיקן פאַך, דערנאָך אַלס צימער־מאָלער. במשך פון דער זעלבער צייט איז וו. אַקטיוו אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, טרעט אויך אָפּט אַרויס אַלס דעקלאַמאַטאָר און ווערט ענדלעך אַ וואַריעטע־אַקטיאָר.

וו. איז געווען אייניקע יאָר מענעדזשער פון לאָקאַל 5, געווען אַ מיטגליד אין קאָמיטעט צו פאַראייניקןביידע יוניעס און איז אַ מיטגליד אין „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן.

1925-26 האָט וו. געשפּילט אין „אייבים אייריש ראָוז" מיט אַן ענגלישער פּראָווינץ־טרופּע, דערנאָך אין פאַרשיידענע יידישע טעאַטערס.

ש. ע.

וויים, לואיס

[לוי]

געב. 15 אויגוסט 1891 אין אומאַן, קיעווער גוב., אוקראַאינע. פאָטער — אויפזעער אין זיין ברודערס גאָרטן שאַטאָ, וואו מען פלעגט שפּילן טעאַטער און פלעגט אויך אויספירן די טעכנישע אַרבעטן בעת ס'פלעגן דאָרט שפּילן יידישע טרופּעס. וו. האָט געלערנט אין חדר, אָבער ער אַנטלויפט פון דאָרט כדי צו קאָנען זיין ביי די פּראָבן פון די יידישע אַקטיאָרן, מיט וועלכע ער שפּילט קינדער־ראָלן.

אין 1904 האָט וו.'ס פאַמיליע אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

דאָ איז וו. אַ שיק-ייִנגל אין מלבושים-געשעפט פון זיינעם אַן עלטערן ברודער, וועלכער איז נאָך פריער געקומען אין אַמעריקע.

וו. באַזוכט דאָס יידישע טעאַטער, ווערט „אַ פּאַטריאָט“ און אין עלטער פון 17 יאָר טרעט ער אויף מיט „ליבהאָבער“ אין קאָלאָמבוס-האָל אין דעם סקעטש דער „שיין-באָי“ (שטיוול-פּוצער). פון דאָרט אַנגאַזשירט מען אים אין אַ ענגלישן סקעטש, וואו ער שפּילט 2 יאָר „יידישע טיפּן“. דערנאָך גייט ער איבער צו דער יידישער וואָדעוויל-בינע, וואו ער איז טעטיק 10 יאָר. שפּעטער שפּילט ער צו סעזאָנען לעגיטים יידיש טעאַטער אין באַלטימאָר און פילאַדעלפיע, 5 יאָר אין פילאַדעלפיער פּרינצעס-טעאַטער, צו איינצלנע סעזאָנען אין פּיטסבורג, אין אַמעריקען-טעאַטער, פילאַדעלפיע און אין סט. לואיס, ווערט דירעקטאָר פון מאונט מאָרים-טעאַטער אין ניו-יאָרק, דערנאָך מיט-דירעקטאָר אין מעקינלי סקווער טעאַטער. וו. שפּילט אַ סעזאָן אין באָסטאָן, איז 2 יאָר דירעקטאָר פון ליריק-טעאַטער אין ניו-יאָרק, אין 1928-9 דירעקטאָר און שוישפּילער אין האָפּקינסאָן-טעאַטער. אין 1929-30 — מיטדירעקטאָר אין ליבערטי טעאַטער און דערנאָך אין וואָדעוויל אין פּיפּלס-טעאַטער.

מ. ע.

וויס, מאַרסעלאַ

[לעווין]

געבוירן 22 יאַנואַר 1896 אין סאַן פּאולאָ, בראַזיליע. פאָטער — דער זשורנאַליסט זיגמונט לעווין, דער גרינדער פון דער יידישער פּרעסע און פון יידישן טעאַטער אין אַרגענטינע. דערצויגן געוואָרן אין שפּאַנישע שולן אין אַרגענטינע, וואוהין זי איז אין עלטער פון 4 יאָר אויסגעוואַנדערט מיט איר פאַמיליע.

אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער אין עלטער פון 6 יאָר אַלס „בנימין“ אין לאַטיינערס „יוסף מיט די ברידער“ און שפּעטער אַנדערע קינדער-ראָלן ביי די גוטענטאַגס.

אין עלטער פון 12-13 יאָר געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלע אַקטריסע און אויפגעטראָטן אַלס „שולמית“ און „חאַסיע די יתומה“.

אין משך פון איר בינע-טעטיקייט, בעת וועלכער זי האָט זיך אויסגעלערנט יידיש, האָט וו. געשפּילט צוזאַמען מיט די גאַסטראָלערן פיינמאַן, פּעני עפּשטיין, מאָשקאָוויטש, בעני און יאָזעף שענגאָלד, וואַקסמאַן, זאַסלאַווסקי א. א.

וו. האָט אויך געשפּילט אויף דער שפּאַנישער בינע אין אַרגענטינע אין דער דראַמע, קאָמעדיע, רעוויס און געזונגען נאַציאָנאַלע אַרגענטינער לידער.

אין 1915 און אין 1928-9 האָט וו. גאַסטראָלירט אין בראַזיליע און אין 1927 אין טשילי.

באַזונדערס פּאָפּולער איז וו. אין אַרגענטינע און בראַזיליע אין איר ראָל פון ניקאָדימס קאָמעדיע „דאָס רעשטל“ (געשפּילט אויף יידיש און שפּאַניש).

1929 האָט וו. געשפּילט אין טעאַטער „אָלימפּאָ“, בוענאָס-איירעס, אַלס פּאַרטנערין פון גאַסטראָלער סאַמבערג.

ש. ע. פון יעקב באָטאָשאַנסקי.

וויס, ענריקאָ

געבוירן 1887 אין סאַן אַנטאָניאָ, פּראָווינץ ענטראָ כיאָס, אַרגענטינע. עלטערן — קאָלאָניסטן. דערצויגן אין די יידיש-שפּאַנישע שולן. אין עלטער פון 13 יאָר געקומען אין בוענאָס-איירעס. אין 1901 אַריינגעטראָטן אין זיגמונט לעווינס יידישער טרופּע, לכתחילה אַלס כאָריסט, דערנאָך אָנגעהויבן שפּילן כאַראַקטער-ראָלן ווי אויך ליבהאָבערס.

וו. האָט געשפּילט מיט גוטענטאַג, מאַרינהאָף, פּעני וואדי עפּשטיין, מאָרים אַקסעלראַד, מאָשקאָוויטש, לאָבעל, גאָלדענבורג א. א. דערנאָך געוואָרן געשעפטספירער אין יידישע און אַרגענטינישע טעאַטערס, איינגעאָרדנט טורנעען פאַר די אָנגעזעענסטע אַרגענטינער אַקטיאָרן און פאַר אויסלענדישע קאָנצערטיסטן און זייט 1926 זיך צוריקגעצויגן פון טעאַטער.

וו. האָט אויך אַ געוויסע צייט געשפּילט אין שפּאַניש.

ש. ע. פון יעקב באָטאָשאַנסקי.

וויס, פּאולינאַ

געב. 1884 אין קעשעניעוו, בעסאַראַביע. פאָטער — אַרענדאַטאָר פון דער פּאָסט און אַ סוחר פון בהמות.

געלערנט אין אַ שול, און יידיש ביי אַ מלמד.

אַלס קינד געקומען מיט דער מוטער אין אַמעריקע, און אין קליוולאַנד אַריינגעטראָטן אין כאָר פון יידישן טעאַטער, דערנאָך אָנגעהויבן שפּילן קליינע ראָלן.

אין ניו-יאָרק טרעט זי אַריין צוזאַמען מיט איר מאַן, לואי גילראָד, אין יידישן וואָדעוויל, וואו זי שפּילט 15 יאָר, באַטייליקנדיק זיך פון צייט צו צייט אין יידישע טעאַטער-פאָרשטעלונגען אויף דער פּראָווינץ.

שפּעטער האָט וו. זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע.

מ. ע. פון לואי גילראָד.

ווייסבערג, לואיס

געב. 13 אויג. 1883 אין קיעוו, אוקראַאינע, עלטערן — סוחרים. געלערנט אין אַ חדר און אויך פּריוואַט יידישע למודים און רוסיש.

אין 1900 באַקענט זיך וו. מיט אַקטיאָרן און הויבט זיך אָן באַטייליקן אין „ליבהאָבער“-פאָרשטעלונגען אויף אוקראַאיניש. אין 1904 ווערט ער אַנגאַזשירט דורך קאָראָלענקאָ, אין וועמענס דראַמאַטישער שול ער האָט געלערנט, אַלס דראַמאַטישער אַקטיאָר, א. נ. לאַזאַר ביעלאָגאָרין.

צוליב דעם פּאָגראָם אין 1905 וואַנדערט ער אויס צו זיין פאָטער אין אַמעריקע, וואו ער טרעט אַריין אין „פּראָגרעסיוו-דראַמאַטיק-קלאָב“ אונטער דער לייטונג פון יואל ענטין, אַרבעטנדיק ביי קאָפּלעס, שפּעטער ביים נייען העמדער.

אין 1914 באַקומט ער אַן איינלאַדונג פון פּרץ סאַנדלער צו קו-

מען קיין פוילן אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער. אין פּאַריז ווערט ער אָבער — צוליב דער מלחמה — אַרעסטירט און ווען ער קומט צוריק אין אַמעריקע, שפּילט ער 3 יאָר (פון צייט צו צייט) רוסיש, ענגליש און אוקראַאיניש.

אין 1917 טרעט ער אַריין אין שניצערס יידיש-קונסט-טעאַטער, וואו ער שפּילט 2 יאָר. אין 1919 שפּילט וו. אין דעטראָיט, קליווּלאַנד, און וואָדעוויל-פאָרשטעלונגען אין פילאַדעלפיע.

אין 1920 ווערט וו. אַנגאַזשירט צו אַנשעל שאָר אין פילאַדעלפיע, וואו ער שפּילט 4 יאָר, 1925-6 שפּילט ער אין מעקינלי-טעאַטער, בראָנקס, 1927-8 אין שיקאַגאָ און 1928-30 אין יידישן קונסט-טעאַטער.

מ. ע.

וויסבערג, סעם

געבוירן בערך 1870, אין וואַרשע, פוילן.

וו. האָט זיך על פּי רוב פאַרנומען מיט פירן טרופּעס, פאַר וועלכע ער האָט געזוכט נייע לענדער און שטעט. אין די לעצטע יאָרן ווירקט וו. אויפן זעלבן געביט אין מעלבורן, אויסטראַליע.

מ. ע. פון דוד רייץ.

וויסבערג, רחל

געבוירן 23 פעברואַר 1901 אין סאַדאַגורע, בוקאָווינע. פאָטער — אַ סוחר. געענדיקט אין נאָוואָסעליץ אַ פאָלקסשול און נאָכן קומען אין 1913 מיט דער פאַמיליע אין ווין, דאָרט געענדיקט אַ בירגער- און האַנדלס-שול. באַטייליקט זיך אין די „ליבהאָבער"-פאָרשטעלונגען פון פאַריין „ציון", באַזוכט די דראַמאַטישע קורסןביים פאַריין „פרייע יידישע פאָלקס-בינע" און ווען ס'גרינדעט זיך דאָס טעאַטער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע", טרעט וו. דאָרט אַריין און באַטייליקט זיך אויך אין טורנעע איבער רומעניע. 1922 — שפּילט וו. אַ סעזאָן געמישטן רעפּערטואַר אין האָטעל סטעפאַניע אין ווין, 1925-26 — שונד-רעפּערטואַר אין „יידישן קינסטלער-קאַבאַרעט" (ליטונג מאַקס שטרענג) און אין 1927 אין די „יידישע קינצלער-שפּילע" א'ל פון שלום ברין.

ש. ע. פון בן-ציון סיגאַל.

ווייסליץ, אברהם-יעקב

געבוירן 31 דעצעמבער 1891 אין קאָנסק, פוילן. פאָטער, אַ משכיל, לאָזט אים לערנען אין גימנאַזיע. 1911 ווערט וו. אַ מיטגליד אין דער דראַמאַטישער סעקציע ביים „הזמיר" אין וואַרשע און איז דערנאָך רעזשיסער ביי יידישע דראַמאַטישע פאַריינען אין פוילן, מיט וועלכע ער פירט אויף פיעסען פון יידישן און אייראָפּעאישן דראַמאַטישן רעפּערטואַר.

זייט 1920 שפּילט וו. אין דער פוילישער „ווילנער טרופּע".

מ. ע.

יעקב ווייסליץ — מיין וועג אַלס יידישער אַרטיסט, „טעאַט"צט", וואַרשע, 3, 1928.

ווייסליץ, יוכבד

[פראָוויזאָר]

געבוירן 1889 אין בלוינע, ביי וואַרשע, פוילן. נאָך דער חתונה מיט יעקב ווייסליץ געשפּילט מיט אים די ערשטע דראַמאַטישע ראָלן אין די פאַרשיידענע יידישע דראַמאַטישע פאַראיינען איבער דער פוילישער פּראָווינץ.

זייט 1920, מיט הפסקות, איז וו. באַטייליקט אין דער „ווילנער טרופּע".

מ. ע.

וויסמאַן, אהרן

געבוירן 10 אַפּריל 1887 אין ביאַלאַ-צערקאָוו, אוקראַאינע. עלטערן — באַזיצער פון אַ קאָלאָניאַל-געשעפט. געלערנט אין חדר און ווען די פאַמיליע טראָגט זיך איבער קיין אָדעס, לערנט וו. דאָרט אין דער ת"ת.

בעת דער יאַפּאַנישער מלחמה אַנטלאָפן צוליב מיליטער-דינסט קיין בודאַפּעסט, איז ער דאָרט 2 יאָר אַן אָנגעשטעלטער אין דער ס"ס-פּאַרטיי און באַטייליקט זיך אין איר דראַמאַטישן קרייז. יוזשא שענבערג נעמט אים דאַן אַריין אין אַ פּראָפעסיאָנעלער טרופּע. פון דאָרט גייט איבער וו. אין דער טרופּע פון אברהם אַקסעלראַד און פאָרט מיט איר איבער גאַליציע, בוקאָווינע און רומעניע.

בעת דעם אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה קערט וו. צוריק קיין בודאַפּעסט, וואו ער עפנט אַ יידיש טעאַטער אָן אַ אָפיציעלער דערלויבניש. [לויטן געזעץ פון די דאָרטיקע טעאַטער-קאָנצעסיעס, האָבן אַ העלפט אַקטיאָרן פון דער טרופּע געדאַרפט זיין אונגאַרישע בירגער.] דאָס טעאַטער האָט עקסיסטירט 1½ יאָר. בעת דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע ווערט וו. באַשטימט פון דער קוהן-מאַכט אַלס לייטער פון יידישן טעאַטער. ער לאָזט דעמאָלט אַרויס, צום ערשטן מאָל אין אונגאַרן, אַפישן אין יידיש. נאָכן פאַלן פון דער קאָמוניסטישער מאַכט, בעת דאָס יידישע טעאַטער ווערט געשלאָסן, איז וו. אַ געוויסע צייט געצוואונגען אַרויסצוטרעטן אין וואַריעטע און קאַפע-שאַנטאַנען. אין 1920 ווערט וו. אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט קיין ווין. דאָ שפּילט ער אין וואַריעטעס, שפּעטער אין די טרופּעס אין סטעפאַניא און אַרקאַדיאַ-טעאַטער און אין 1928 אין רומעניע.

מ. ע.

וויסמאַן, בעסי

געבוירן אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. פאָטער — דער סופלער און פיעסן-שרייבער ראובן וויסמאַן. אַלס קינד פון 4 ביז 10 יאָר געשפּילט קינדער-ראָלן ביי אַדלער און טאָמאַשעווסקי. געענדיקט פּאָבליק-סקול און געזונגען אין כאָר, דערנאָך אַ קורצע צייט אין אַ ניו-יאָרקער יידישן וואָדעוויל. דעביוטירט אַלס „דאָס דינסטמיידל" אין ראַקאָווס „כאַנטשע אין אַמעריקע" און שפּעטער געשפּילט צו סעזאָנען אין ברוקלין ביי מינץ (אַ ברודער פון מייקל מינץ), ביי לואי גאָלדבערג אין לענאָקס, אין נייש אָנאַל

ביי טאָמאַשעווסקי, דערנאָך 3 סעזאָנען אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער מיט קאַליש, קעסלער, מאָשקאָוויטש און שוואַרץ.

וו. האָט די ערשטע קרעאירט די ראָלן פון „נאַטאַשאַ“ אין קאָבריזס „יאַנקל בוילע“ און „מערי“ אין אַשס „מאָטקע גנב“, דערנאָך געשפּילט 5 סעזאָנען אין נייִשאָנאַל טעאַטער אַלס פּאַרטנערין פון לעבעדיעוו און נאָך אַן הפסקה פון אַ סעזאָן געשפּילט 1926 אין ליבערטי-טעאַטער ביי איר שוואָגער אַנשל שאָר. זייט דאַמאָלט מער ניט אויפגעטראָטן.

מ. ע.

אַלטער עפּשטיין — אינטערעסאַנטע מאָמענטען פון אַקטיאָרן-לעבען, „דער טאָג“, נ. י. 22 דעצעמבער 1918.

ווייסמאַן, בערנאַרדאָ

געבוירן 1873 אין בוקאַרעסט, רומעניע, ביי אָרטאָדאָקסישע עלטערן. געווען אַ משורר אין דער אָרטיקער גרויסער שול ביים חזן אברהם פּראַכטענבערג. דערנאָך ביי די חזנים שלאָם, גאָלדענבערג א. א. אייניקע יאָר שפּעטער אין טעמפּל ביים קאַנטאָר גרשון ווייס.

נאָך אַלס קינד זיך באַטייליקט אין קינדער-כאָר אין פינקעלס טרופּע אין דער פּיעסע „דער פּאָדריאַדטשיק“ און דערנאָך מיטגעזונגען אין כאָר פון איציק מענדל בערגמאַנס טרופּע. ערשט אין סעגאַלעסקאָס טרופּע באַקומט וו. קליינע סאָלאָ-ראָלן ווי „דער וועכטער“ אין „בר כוכבא“ א. ד. ג. און ווען ס׳ווערט אין 1887 אין וואַסלויאי קראַנק דער אַקטיאָר ראָזענבערג, פאַרטרעט אים וו. אין דער ראָל „האַסאַן מאַכמוד“ אין הורוויצס פּיעסע „דון יהודה אברבנל“ און בלייבט שוין זייט דאַמאָלט שפּילן ראָלן. דערנאָך פאָרט וו. אַרום מיט דער טרופּע פינקעלשטיין און יאָוועליר איבער רומעניע, עסטרייך און טערקיי. ניט קאָנענדיק, צוליב מיליטער-סיבות, צוריקפאָרן קיין רומעניע, אָרגאַניזירט וו. צוזאַמען מיט ליפּע ראָדעסקאָ אַ קוואַרטעט לויטן מוסטער פון די ברידער שוואַרץ און זעמעל און מאַכט אַ טורנעע איבער בולגאַריע, סערביע, גריכנלאַנד און עגיפּטן. ווען דער קוואַרטעט צעפאַלט זיך, וואַנדערט אויס וו. אין 1901 קיין אַרגענטינע, וואו ער הייבט אָן שפּילן יידיש טעאַטער מיט „ליבהאָבער“, און אַ דאַנק דער געלט-אונטערשטיצונג פון אייניקע טעאַטער-ליבהאָבער ברענגט וו. קיין אַרגענטינע יידישע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, מיט וועלכע ער לייגט דעם יסוד פאַר אַ שטענדיקן יידיש טעאַטער אין אַרגענטינע.

אין משך פון 28 יאָר איז וו. געווען פאַרבונדן מיט פאַרשיידענע טרופּעס — אייגענע ווי אויך מאַרקן-טרופּעס — און געשפּילט צוזאַמען מיט די גוטענטאַגס, פיינמאַן, מאָריס אַקסעלראַד, זילבערט, דיינע פיינמאַן, וואַקסמאַן, שערמאַן, מאַלווינאַ לאָבעל, גאָלדענבורג, מאָשקאָוויטש, קרעמער, סאָקאָלאָוו א. א.

האַלב פּאַראַליזירט איז וו. איצט מחוץ דעם יידישן טעאַטער און דיריגירט אויף יום-טובים די כאָרן אין שולן.

ש. ע.

ווייסמאַן, דאָראַ

געב. אין אָדעס, אוקראַאינע. פאָטער — דער סופלער און פּיעסן-שרייבער ראובן ווייסמאַן. אַלס 2 יאָריק קינד אויסגעוואַנדערט מיט דער פאַמיליע קיין אַמעריקע און אַ יאָר שפּעטער נעמט מען זי אַרויף אויף דער בינע, ווייל עס פעלט אויס אין דער פּיעסע „משה רבינו“ אַ קינד, וואָס דאַרף שפּילן „משה“. פון דאַמאָלט אָן שפּילט זי די קינדער-ראָלן אין רומעניאַ אָפּערן-הויז מיט אַדלער און פיינמאַן, אין פּולס מיט בלאַנק, מאָגולעסקאַ, אַדלער און פּרוי, אין טאַליאַ מיט קעסלער, מאָשקאָוויטש, טאָרנבערג און דערנאָך קאַליש, אין ווינדזאָר מיט ליפּצין.

אַזוי ווי דאַמאָלט איז דער טיפּ קינדער-אַקטיאָרן געווען זעלטן, פלעגט פּאַסירן, אַז זי פלעגט אין איין אָוונט שפּילן אין פאַרשיידענע אַקטן אין אייניקע טעאַטערס.

צוליב דער טראַגעדיע מיט עמאַ פינקעל „מאַכט“ מען זי פאַר אַ סוברעטין און איר ערשטע ראָל אין דעם אַמפּלואַ איז אין ווינדזאָר-טעאַטער אין „בן-הדור“.

אַ יאָר רייסט זי איבער איר בינע-טעטיגקייט און דערנאָך טרעט זי ווידער אַריין אַלס סוברעטין אין טאַליאַ, וואו זי שפּילט צוזאַמען מיט אַדלער, מאָגולעסקאָ און מאָשקאָוויטש. דאַן שרייבט פאַר איר אַנשעל שאָר די אָפּערעטן „דאָס מיידל פון דער וועסט“ („אַמעריקאַנערין“), „שיר השירים“, „באָרג מיר דיין ווייב“, „וואָס מענער זיינען“, „מיין זיסע מיידל“, „ווייבער“, „אַ מויד מיט שכל“.

אַ געוויסע צייט שפּילט זי ביי אַדלערן אין טעאַטער איר רעפּערטואַר, אָבער ווען אַדלער פירט אויף מילערס „מסור“, גיט ער וו. צו שפּילן צום ערשטן מאָל אַ דראַמאַטישע ראָל און זייט דאַמאָלט גייט זי איבער צו דראַמאַטישע ראָלן און צום ערנסטן רעפּערטואַר, באַטייליקנדיק זיך אין די אויפפירונגען פון פּרץ, פּינסקי, הירשביין און קאָבּרינס פּיעסן.

1918-25 שפּילט זי אין אַרטש סטריט-טעאַטער אין פילאַדעלפיע, וואו זי הויבט אָן אויפטרעטן אין מעלאָדראַמאַטישן רעפּערטואַר. 1922 — מיטבאַטייליקט זיך אין שוואַרצס אויפפירונג פון בימקאָס „דעמבעס“ אין יידישן קונסט-טעאַטער. 1925—האָט זי גאַסטראָלירט אין לאָנדאָן, 1927-8 — געשפּילט אין ליבערטי-טעאַטער, בראָנזוויל, און אין 1928-9 גאַסטראָלירט אין פּוילן און דערנאָך אין רומעניע.

וו. איז די פרוי פון פּיעסן-שרייבער און טעאַטער-דירעקטאָר אַנשעל שאָר.

מ. ע.

ש. ע. פון אַנשעל שאָר.

אוריאל מזיק — בילדער-גאַלעריע פון אונזערע אידישע שוישפּילער, „דער טאָג“, 27 יאַנואַר 1917.

דאָראַ ווייסמאַן — אַן אָפענער בריעף פון דאָראַ ווייסמאַן צו אוריאל מזיק, „דער טאָג“, 3 פעברואַר 1917.

משה חייקעל׳ס — דאָראַ ווייסמאַן אַלס דראַמאַטישע שוישפּילערין, „דיא אידישע וועלט“, פילאַדעלפיע, 5 אַפּריל 1920.

הלל ראָגאָף — דאָראַ ווייסמאַן אַלס אַ מעלאָדראַמע־סטאַר, „פאָרוו.“, 29 אַפּריל 1927.

דאָראַ ווייסמאַן — די ביטערעווירקלעכקייט, „טעאַטער-זכרונות“, (רעד. ז. זילבערצווייג), ווילנע, 1928, זז. 97-193.

דאָראַ ווייסמאַן — איך און דאָס פּובליקום, „דער טאָג“, נ. י., 30 מערץ, 1928.

דאָראַ ווייסמאַן — ווי אַזוי איך בין געקומען צו דער בינע, „טעאַט“צ“, וואַרשע, 3, 1928.

נ. מייזיל — דראַ ווייסמאַנס ערשטער אויפטריט „ליט"בל", 41, 1928.
מ. קיפּניס — דראַ ווייסמאַן, „היינט", וואַרשע, 13 נאָוו. 1928.
א. גראַפּמאַן — פון אונזער טעאַטער־וועלטעל, „מאָמענט", וואַרשע, 27 סעפּט. 1928.
מלך ראַוויטש — דראַ ווייסמאַן, „נייע פאָלקסצייטונג", וואַרשע, 18 אָקט. 1928.
פּסח קאַפּלאַן — אין סינאַגאָגע און אין טעאַטער, „דאָס נייע לעבן", ביאַליסטאָק, 12 אָקט. 1928.
אלחנן צייטלין — דראַ ווייסמאַן, „אונזער עקספּרעס", 6 פעב. 1929.
מאַטיאַנאַ פ. — פאַר וועמען זי שפּילט און פאַר וועמען ער שרייבט, „נלפ"בלט", 25 פעב. 1929.
יצחק קאַצענעלזאָן — דראַ ווייסמאַן, „לאָד"טגבל", 15 מערץ, 1929.
דר. משה לוסטיג — דראַ ווייסמאַן, „מאָרגען", לעמבערג, 8 אויגוסט, 1929.

ווייסמאַן, העלענאַ

געבוירן 5 אָקטאָבער 1889 אין לעמבערג, גאַליציע. פאָטער — אַ זייגערמאַכער. געלערנט אין אַ פאָלקסשול און יידיש ביי דער מוטער. אַלס קינד געזונגען אין טעמפּל און, צוליב דער שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע אין דער היים, געוואָרן אַ שניידערין. שפּעטער אָנגעהויבן שפּילן מיט „ליבהאָבער". זייענדיק צו גאַסט ביי איר ברודער אין טשערנאָוויץ, ווערט זי דאָרט אריינגענומען אין כאָר און אויף קליינע ראָלן אין דער טרופּע פון אברהם אַקסעלראָד. נאָך אַ קורצער צייט פאָרט זי צוריק קיין לעמבערג, וואו טאַנענצאַפּ אַנגאַזשירט זי פאַר דער פּראָווינץ, דערנאָך גייט זי איבער צו עבעל, און, ווידער צו אַקסעלראָד אין טשערנאָוויץ און סביבה, וואו זי פאַרטרעט שוין די פּרימאַדאָנע. שפּעטער שפּילט וו. 3 יאָר מיט אַדאָלף מעלצער איבער דער גאַליצישער פּראָווינץ, עטלעכע יאָר ווידער מיט אַקסעלראָד און עבעל, ביז זי וואַנדערט אויס, ביים אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה, קיין בוקאַרעסט. דאָרט שפּילט זי 3 יאָר ביי איציק גאָלדענבערג און קאַנער, אייניקע יאָר מיט אשכנזי און זיגלער אין בוקאַרעסט, יאַסי און אין דער פּראָווינץ, 1924 — אין פּאַריז מיט אַ חברים־טרופּע, דערנאָך אין אַנטווערפּן מיט קלאַראַ יאַנג, ווידער אין פּאַריז ביי ראָזענפעלד, אַ קורצע צייט מיט טאָמאַשעווסקי אין פּאַריז און אַנטווערפּן, דערנאָך אין חברים־טרופּעס אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע און זייט 1926 אין ווין.

מ. ע.

ווייסמאַן, ראובן



געבוירן 25 פעברואַר 1855 אין אָדעס. אוקראַאינע. פאָטער — אַ שוחט, דערנאָך אַ באַזיצער פון אַ רעסטאָראַן, האָט אים געגעבן אַ טראַדיציאָנעל־יידישע דערציאונג מיט דער כונה צו מאַכן אים פאַר אַ רב. וו. לערנט ביז 13 יאָר גמרא מיט תוספות אין דער אָדעסער ישיבה. דערנאָך אין דער קעשעניעווער און וואָלאָזשינער ישיבה און דייטש און רוסיש אין דער רוסישער פאָלקסשול. צוליבן פאָטערס טויט מוז וו. מפרנס זיין די שטוב. ער רייסט איבער די לימודים און טרעט אריין צו אַ יידישן אַדוואָקאַט איבערצושרייבן אַקטן מיט „זיין שיינער האַנטשריפט". דער אַדוואָקאַט נעמט אים מיט אין רוסישן טעאַטער צו אָסטראָווסקיס „ביעלוגינס חתונה" און שפּעטער צו „באָריס גאָדונאָוו" און ערשט דאָ ווערט וו.'ן קלאָר וועלכן איינפלוס די השכלה קאָן אויסאיבן דורך אַ יידיש טעאַטער, וואָס זאָל אויפירן פּיעסן פון יידישן פאָלקס־לעבן, בפרט פון דער יידישער היסטאָריע.

אָט דעם געדאַנק ווידמעט וו. זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט: ער פאַרנאַכלעסיקט צוליב דעם זיין אַרבעט ביים אַדוואָקאַט און דראַמאַטיזירט לסוף דעם העברעאישן ראָמאַן „צדיק ונושא" אַלס אַ דראַמע אין 5 אַקטן א"נ „די נקמה", וועלכע ווערט שפּעטער גערופן „דון יצחק אברבנל".

באַזוכנדיק די יידישע פאָלקסזינגער אין די ווייַנקעלערס און די פאַרשטעלונגען פון ראָזענבערג־ספּיוואַקאָווסקיס טרופּע און שפּעטער פון גאָלדפאַדענס טרופּע, ווערט וו., לויט דער עצה פון גאָלדפאַדען, כמעט דער ערשטער פּראָפעסיאָנעלער סופלער פון יידישן טעאַטער. שפּעטער פאָרט אַרום וו. מיט גראַדנער איבער קרים און טרעט אריין אין דער טרופּע פון לערנער.

אין 1882 איז וו. אַנגאַזשירט געוואָרן קיין אַמעריקע אַלס סופלער אין זילבערמאַנס אָריענטאַל־טעאַטער און איז אַ משך פון 38 יאָר געווען סופלער אין די אַנגעזעענסטע טרופּעס.

וו. האָט געשריבן און באַאַרבעט פאַלגנדיקע פּיעסן, וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרן אין אַמעריקע: זיין דראַמאַטיזירונג „די נקמה" א"נ „דון יצחק אברבנל", „משה רבנו" אָדער „יציאת מצרים און קריעת ים־סוף" און „איז זי משוגע?" אָדער (שפּעטער גערופן) „די געמאַכטע משוגענע" (אַלע אויפגעפירט 1887 אין ווינדזאָר־טעאַטער), „אמנון און תמר" (דראַמאַטיזירט פון מאַפּוס ראָמאַן „אהבת ציון", אויפגעפירט 1888), „שרה" אָדער „צוריק פון סינג סינג" (אַדאַפּטירט פון דער רוסישער פּיעסע „די קינדער־גנבטע", אויפגעפירט 1891), „לעבן פאַר לעבן" (אַדאַפּטירט פון „די דערמאָרדונג פון קאַוועריע", אויפגעפירט דורך קעסלער אין טאַליאַ־טעאַטער), זיין איבערזעצונג און באַאַרבעטונג פון שעקספּירס „שיילאָק דער קויפמאַן פון ווענעדיג" (9 פעברואַר 1894), די איבערזעצונג „פּאַטאַניצאַ" אָדער „דער רוסיש־טערקישער קריג" (1896), די קאָמעדיע „דער גולם" אָדער „מאַן און ווייב" (אַדאַפּטירט פון אָסטראָווסקיס „ביעלוגינס חתונה", אויפגעפירט אין נאָוועמבער 1901 אין פּיפּלס־טעאַטער), און די באַאַרבעטונג „זאַראַיאַ" אָדער „די שיינע יידין" (1908).

ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע קאַפּיטלעך זכרונות וועגן יידישן טעאַטער און האָט רעדאַקטירט פאַרשיידענע טעאַטער־אויסגאַבן.

וו. איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט פון יידישן אַקטיאָרן־קלאַב, 4 יאָר מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע פון דער אַקטיאָרן־יוניאָן און אויך וויצע־פּרעזידענט, איינער פון די גרינדער פון די יידישע טעאַטריקל־עליינס און אַ מיטגליד אין רעדאַקציע־קאָלעגיום פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער".

וו.'ס טעכטער, דאָראַ און בעסי, שפּילן אויף דער יידישער בינע, זיין איידעם איז געווען דער יידיש־ענגלישער אַקטיאָר באַרני בערנאַרד.

די לעצטע יאָרן האָט וו. זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע און פון שרייבן און איז נאָר אַקטיוו אין די יידישע טעאַטריקל עליינס.

מ. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, ז. 966.
ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." II, ז. 42 און רשימה פון פּיעסען.
יעקב פ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „די וואַרהייט", נ. י. 20 אָקט. 1917.
שלום פּערלמוטער — אידישע דראַמאַטורגען, „די אידישע וועלט", קליוולאַנד, 19 דעצ. 1928.

ווייסענבערג, יצחק־מאיר

געבוירן 1881 אין זשעליכאָוו, שעדלעצער גוב., פּוילן, אין אַן אָרעמער פאַמיליע. געלערנט אין חדר און איז אין דער פריסטער יוגנט געוואָרן אַן אַרבעטער. ביז 25 יאָר זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע מלאכות אין וואַרשע און לאָדזש. 1904 — דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור און באַלד זיך דערוואָרבן אַ נאָמען, וואָס האָט אים געשטעלט אין די ערשטע רייען פון דער יידישער בעלעטריסטיק.

וו. האָט פאַרעפנטלעכט די דראַמען „קנאה און תאוה" (פריער געדרוקט אין „טעאַטער־וועלט" 6-17, 9-1908, דערנאָך דערשינען אין פאַרלאַג „פּראָגרעס", וואַרשע 191, 101 ז. 16°) און „קאַספּער" (85 ז. 16°), וועלכע איז געשפּילט געוואָרן אין לאָדזש דורך דער „דראַמאַטישער קונסט", האָט אָפּגעדרוקט אין זמ"ב „די יוגענד־שטימע" (ווילנע 1908) די איינאַקטיקע דראַמע „אין ערוואַרטונג" און האָט פאַרעפנטלעכט אין זיינע ווערק (וואַרשע, פאַרלאַג ב. שימין) די דראַמאַטישע סצענעס „דבורהלע" און „ר' יואל".

וו. האָט אין „די יודישע זאַמעלביכער" (1918-19) אָפּגעדרוקט די איינאַקטיקע דראַמאַטישע פּאָעמע „אין טאָג פון געריכט", — אַ מין פּאָליטישע סאַטירע אין גראַמען וועגן די פּויליש־יידישע באַציאונגען.

אין זשורנאַל „אונדזער האָפענונג" (וואַרשע), וועלכע וו. רעדאַקטירט, שרייבט ער אָפט וועגן יידישן טעאַטער, דראַמאַטורגן און שוישפּילער.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 967-72.

ווייספעלד, משה

געבוירן אין וואַרשע, פּוילן. באַזיצער פון אַ האַנדלס־שול אין וואַרשע (עק דזשיקאַ און וואָלינסקאַ), אין וועלכער עס זיינען אין 1883 פאָרגעקומען אין די אָוונטן יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. אין 1893 איז וו. געוועזן צוזאַמען מיט זיין שוועער דוד שוואַרצבאַרד דער דירעקטאָר פון דער יידישער טרופּע אין עלדאָראַדאָ (הערמאַן און אַדאָלף בערמאַן, גוסטאַוו שוואַרצבאַרד, ראַטשיין, יעקב ספּיוואַקאָווסקי, אַדאָלף שליפּערשטיין, יוליוס אַסקאַר און אַננאַ און ראָזאַ בריה). אין דערדאָזיקער טרופּע האָט אויך דעביוטירט אסתר רחל קאַמינסקאַ. אין 1905 עפנט וו. דאָס מוראַנאָווער טעאַטער פאַר אַ יידישער טרופּע און גייט דאַן איבער צוזאַמען מיט סעם אַדלער צו שפּילן מיט דער טרופּע אין טעאַטער נאָווי אויף קראָלעווסקאַ.

משה ווייספעלד — אירע ערשטע שריט, „טעאַטער", וואַרשע, 6-5, 1926.

אסתר רחל קאַמינסקי — (זכרונות), „מאָמענט", וואַרשע, 30 יולי, 1926.

מ. מיאַדאָוניק — מיינע טעאַטער־זכרונות, זשורנאַל „שטערן", מינסק, 1, ז. 63, 4, ז. 36, 1926.

מיכאל וויכערט — „טעאַטער", וואַרשע, 1926, זז. 6-5.

„ווילנער טרופּע"



בעת ווילנע איז אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה באַזעצט געוואָרן פון דייטשן מיליטער, איז ביי אַ קליינעם קרייז ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער [וועלכער איז דורך די רוסן, בעת דער מלחמה, פּאָלשטענדיק פאַרווערט געוואָרן] אנטשטאַנען דער געדאַנק צו גרינדן אין ווילנע אַ שטענדיקן יידיש־דראַמאַטישן טעאַטער. צו דעם צוועק האָבן איינציקע מיטגלידער פון דאָזיקן קרייזל (ל. שוסטער [קאַדיסאָן], פריער אַ טעטיקער מיטגליד און רעזשיסער אין דער קאָוונער יידישער דראַמאַטישער געזעלשאַפט, יעקב שערמאַן, אַ מיטגליד פון אַ יידישער דראַמאַטישער געזעלשאַפט אין ליבאַווע און א. אַרליוק [אזרא]) צונויפגערופן אַ קליינע פאַרזאַמלונג פון ליטעראַטן און פריינט פון דער יידישער בינע, וועלכע זיינען באַלד צוגעטראָטן פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן. און הגם אין אָנהייב זיינען געמאַכט געוואָרן שוועריקייטן מצד דער מאַכט (צוליב די באַמיאונגען פון אַנדערע קרייזן צו באַקומען אַ דערלויבניש אויף אַ יידיש טעאַטער לויטן אַלטן שטייגער), איז דאָך סוף כל סוף, אַ דאַנק איינציקע מיטגלידער פון יידישן הילפס־קאָמיטעט (בפרט דר. יעקב וויגאָדסקי און דר. אַלשוואַנגער), געלונגען צו באַקומען אַ דערלויבניש צו שפּילן, וועלכע איז געגעבן געוואָרן אויפן נאָמען פון פּראָפעסיאָנעלן אַקטיאָר מתתיהו קאַוואַלסקי.

אין ווילנע זיינען צו יענער צייט, אַ חוץ קאַוואַלסקי, ניט געבליבן קיין פּראָפעסיאָנעלע יידישע אַקטיאָרן. די טרופּע איז דעריבער צונויפגעשטעלט געוואָרן פון די „ליבהאָבער"—פרויען: סאָניאַ עלמית, פרידע בלומענטאַל, ר. ריווקין־ריוויקינאַ, פ. קאַלין; מענער: ל. קאַדיסאָן, אל. אַרליוק [אזרא], שלום טאַנין, נח נאַכבוש, ש. שניאור, א. לערער, י. שערמאַן (המכבי) און פון די אַקטריסעס פון דער רוסישער בינע: יהודית לאַרעס און פּאַליאַ וואַלטער. דער איינציקער אַקטיאָר פון דער יידישער בינע איז געווען מתתיהו קאַוואַלסקי. שפּעטער זיינען צו דער טרופּע צוגעקומען דער אַקטיאָר פון רוסישן טעאַטער אליהו שטיין און די „ליבהאָבערין" עלאַ מאַריאַן. (המכבי, א. שטיין, מאַריאַן, ריווקין־ריווקינאַ און ב. קאַלין זיינען שפּעטער, צוליב פאַרשיידענע סיבות, אוועק פון דער טרופּע).

די גרופּע האָט זיך אָרגאַניזירט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות: יעדער אנטיילנעמער האָט באַקומען אַ געוויסע צאָל „מאַרקן".

די אָנפירונג פון טעאַטער איז געלעגן אין די הענט פון אַן אַזוי גערופענעם „לייטנדער אָרגאַן", וואָס זיין צוזאַמענשטעל פלעגט זיך אָפט בייטן. דער „לייטנדער אָרגאַן" פלעגט אויסגעקליבן ווערן פון אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון אַלע מיטגלידער פון דער טרופּע. די ערשטע צייט זיינען אין אים אַריין קאַוואַלסקי, קאַדיסאָן, שניאור, אזרא און דער געשעפטס־פירער פון דער טרופּע מ. מאַזאַ.

די ניי־אָרגאַניזירטע גרופּע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „פאַריין פון יידישע דראַמאַטישע אַרטיסטן אין ווילנע אונטער דער לייטונג פון מ. קאַוואַלסקי (פאַ"דאַ)".

די ערשטע פאָרשטעלונג האָט די טרופּע געגעבן פרייטאָג דעם 18 פעברואַר 1916 אין בנין פון צירק־טעאַטער אויף לוקישקעס. אויפגעפירט איז געוואָרן שלום אַשס קאָמעדיע „דער לאַנדסמאַן" (רעזשי — ל. קאַדיסאָן).

די פּרעסע, סיי די יידישע, סיי די דייטשע, האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן וועגן דער פאָרשטעלונג און באַלד געגעבן איר שטיצע פאַרן דאָזיקן טעאַטער.

צו דער צווייטער פאָרשטעלונג איז געשפּילט געוואָרן פּרץ הירש־

ביי׳ס „אַ פאַרוואָרפענער ווינקל“ (רעזשי — ל. קאַדיסאָן). דערנאָך זיינען אין משך פון ווינטער-סעזאָן 1916 אויפגעפירט געוואָרן ה. ד. נאָמבערגס „משפחה“, שלום אַשס „גאָט פון נקמה“, דוד פּינסקיס „יעקל דער שמיד“, מאַרק אַרנשטיינס „דאָס ווילנער בעל-הביתל“, שלום אַשס „יחוס“, דוד פּינסקיס „די מוטער“ און מ. ריוועסמאַנס קאָמעדיע „די גליקן“ (אַלע : רעזשי — ל. קאַדיסאָן).

די טרופּע האָט אויך איינגעאָרדנט אַ פּורים-אָוונט, אויף וועלכן ס׳זיינען אויפגעפירט געוואָרן די איינאַקטיקע קאָמעדיעס און פאַרסן „דער טעות“ [קאַדיסאָנס באַאַרבעטונג פון בעלס „הערקולעס“], „די שמעטערלינגען“ פון נ. ל. און „די ערשטע פּאַציענטן“ פון מ. ריוועסמאַן.

אין יענער צייט זיינען צוגעשטאַנען צו דער טרופּע בן-ציון קיט און שמואל שעפּטעל.

דעם ערשטן סעזאָן (1916) האָט די טרופּע געשפּילט אין צירק-בנין אויף לוקישקעס, פריער פרייטאָג און שבת, דערנאָך שבת און זונטאָג אָוונט. אָבער הגם די טרופּע פלעגט באַקומען דעם צירק-בנין אומזיסט (כדי אויסצומיידן אַ רעקוויזיציע פון בנין מצד דעם מיליטער) און האָט נאָר גענדאַרפט באַצאָלן פאַר באַהייצן,

ערשטער אַפיש פון „ווילנער טרופּע“

זיינען פאָרט די הוצאות געווען גרעסער ווי די הכנסות, אַזוי, אַז סוף ווינטער האָט מען שוין געשפּילט בלויז שבת אין אָוונט (אויסער טיילמאָל אַ פאָרשטעלונג אין מיטנוואָך, וואָס איז געווען פאַרקויפט צו צדקה-חברות).

צוליב דעם באַשרענקטן באַזוכער-קרייז, האָט מען געמוזט אָפט בייטן דעם רעפּערטואַר און דאָס האָט געשטערט צו אַן ערנסט פאַרטיפן אין די אויפפירונגען. אַ חוץ דעם האָט זיך דערפילט אַ דוחק אין פּיעסעס און מען האָט זיך גענומען אויפפירן קלענערע זאַכן : שלם אַשס „מיטן שטראָם“, פּינסקיס „די גליקס-פאַרגעסענע“, „מירבאָס „דער גנב“, אַרענשטיינס „דאָס אייביקע ליד“, מאַנושעוויטשעס מוזיקאַלישע שטיק „די רייכע ירושה“ און אייניקע פאָרשטעלונגען פאַר קינדער : אַ דראַמאַטיזאַציע פון שלום-עליכםס „גימנאַזיע“ און פּרץ „אַ דין-תורה מיטן ווינד“ [אַלע רעזשיסירט פון ל. קאַדיסאָן], וואָס האָט שיער ניט דערפירט די טרופּע צו אַ קריזיס.

זוכנדיק אַ מאַטעריעלע רעטונג, האָט מען דעם 26 מאַי 1916 אויפגעפירט גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול“ [רעזשי — ל. קאַדיסאָן], און הגם די מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך מיט דער אויפפירונג ניט געבעסערט, האָט אָבער די טרופּע אין משך פון זומער 1916, באַקומענדיק געצאָלט אַ גאַראַנטירטע סומע פון אַ פריוואַטער פאַרזאָן, כסדר אויפגעפירט גאָרדינען : „דער אומבאַקאַנטער“, „די שבועה“, „קרייצער סאָנאַטאָ“ און (מיט פרוי יהודית שערמאַן) כאַסיע די יתומה“ [אַלע : רעזשי — ל. קאַדיסאָן].

שפּעטער זיינען געשפּילט געוואָרן די איינאַקטערס „טעאָדאָלינדע“ פון מ. ב. שווייצאַר, „דער דאַמענשניידער“ פון נ. ל., [אַ דראַמאַטיזאַציע פון] „דער חולה מסוכן“ פון ז. וועגדראָף, דימאָווס „דער אייביקער וואַנדערער“ און „שמע ישראל“ און לודוויג פולדאס קאָמעדיע „יוגענד פרוינדע“ א״נ „שול-חברים“ [איבערזעצט פון קאַדיסאָן, מאזא און אזרא, אַלע — רעזשיסירט דורך ל. קאַדיסאָן].

פאַרענדיקט דעם סעזאָן אין צירק-בנין האָט די טרופּע מיט לעאָן קאָבריןס דראַמע „יאַנקעל בוילע“ (רעזשי — ל. קאַדיסאָן), וועלכע איז דאָ אויפגעפירט געוואָרן א״נ „דער דאָרפס-יונג“ און געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

איצט האָט די דייטשע מאַכט גענומען ערנסט זיך רעכענען מיט דער טרופּע און איר איבערגעבן דעם שטאָט-טעאַטער, וואו מען האָט אָנגעהויבן שפּילן דעם 10 נאָוועמבער 1916. אַ וואָך שפּעטער איז דאָ אויפגעפירט געוואָרן פּרץ הירשביינס „די פּוסטע קרעטשמע“ און נאָכדעם טשיריקאָווס „די יידן“, קאַדיסאָנס איבערזעצונגען פון קריסטיענסענס קאָמעדיע „דאַלי“ און הענרי נאַטאַנסאָנס דראַמע „הינטער מויערן“, אייניקע איינאַקטערס [אַלע — רעזשי : ל. קאַדיסאָן] און סעמיאָן יושקעוויטשעס „מיזערע“ [רעזשי : אזרא און קאַדיסאָן], וועלכע האָט געהאַט אַ באַזונדערס גרויסן דערפאָלג און איז שטאַרק געלויבט געוואָרן פון דער דייטשער פּרעסע.

דעם 24 פעברואַר 1917 איז געפייערט געוואָרן דער ערשטער יאָרטאָג פון דער טרופּע, ביי וועלכן אַ ריי ווילנער קולטורעלע אינסטיטוציעס האָבן געהאַלטן באַגריסונגען. געשפּילט האָט מען שלום-עליכםס „מענטשן“, שניצלערס „אַ פרימאָרגען נאָך אַנאַטאָלס חתונה“ און פּרץ מאָנאָלאָג „דער משוגענער בטלן“.

די טרופּע איז דערווייל פּאָפּולער געוואָרן אויף דער פּראָווינץ און עס האָבן אָנגעהויבן קומען איינלאַדונגען פאַר גאַסטראָלן. אויספירנדיק נאָך שלום אַשס „די יורשים“ [רעזשי — ל. קאַדיסאָן], אַרציבאַשעווס „אייפערזוכט“ [רעזשי — א. שטיין] און זודערמאַנס „אַ געשלעג פון שמעטערלינגען“ [איב. מ. מאזא, רעזשי — ל. קאַדיסאָן], איז די טרופּע אין מאַי 1917 אַרויסגעפאָרן אויף דער פּראָווינץ און געגעבן אַ ריי פאָרשטעלונגען אין קאָוונע, סובאַלק, גראָדנע און ביאַליסטאָק, אומעטום מיט דערפאָלג.

אין די גרעסערע שטעט האָבן זיך געפונען נאַציאָנאַל-געשטימטע יידישע אָפיצירן און באַאַמטע פון דער דייטשער און עסטרייכישער אַרמעע, וועלכע האָבן די טרופּע געשטיצט אין יעדער הינזיכט. יידיש-דייטשע קינסטלער און שריפטשטעלער, ווי דער קונסט-מאָלער הערמאַן שטרוק, דער דיכטער אַרנאָלד צווייג א. א., האָבן וועגן דער טרופּע געשריבן באַגייסטערטע אַרטיקלען אין דער דייטשער פּרעסע אין דייטשלאַנד, דער דייטשער שריפטשטעלער הערבערט אוילענבורג האָט פאַרעפנטלעכט אין דער דייטשער „די פאָסישע צייטונג“ אַ גרויסן לויב-אַרטיקל וועגן דער טרופּע און אין דער אילוסטרירטער ביילאַגע פון דער זעלבער צייטונג זיינען געגעבן געוואָרן אַ ריי בילדער פון די שוישפּילער מיט אַן אַרטיקל פון האַנס גאָסלאַר, אין וועלכן ער שטעלט די טרופּע אין איין ריי מיט די טרופּעס פון גרויסע אייראָפּעאישע טעאַטערס. אַ דאַנק דעם זיינען די מיטגלידער פון דער טרופּע באַפרייט געוואָרן פון דער דאַמאָלט פּראַקטיצירטער צוואַנגס-אַרבעט אין די דייטש-באַזעצטע געביטן.

דיראָזיקע אָנערקענונג און די וואַרעמע אויפנאַמע מצד דער יידי-

שער אינטעליגענץ אין דער פּראָווינץ האָט דערמוטיקט די טרופּע, וועלכע נעמט באַלד אָן די איינלאַדונג צו גאַסטראָלירן (סוכּות 1917) אין וואַרשעווער עליזעאום-טעאַטער (אַ דאַנק דער וואַרעמער רעקאָמענדאַציע פון אסתּר-רחל קאַמינסקי, וועלכע האָט געזען די טרופּע בעת אירע גאַסטראָלן איבער דער פּראָווינץ).

די טרופּע, וועלכע איז דאָ, אויפן פאָרשלאַג פון ה. ד. נאָמבערג, עטאַבלירט געוואָרן אַלס „ווילנער טרופּע", איז פון דער וואַרשעווער יידישער פּרעסע אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג. געשפּילט האָט מען דעם אַלטן רעפּערטואַר, אין וועלכן ס'איז אויך אויפגעטראָטן די שוישפּילערין לאה נעמי, וועלכע איז שוין פאַרבליבן אין דער טרופּע. דאָ איז אויך אַריין אין דער טרופּע דער רעזשיסער דוד הערמאַן, וועלכער האָט באַלד אויפגעפירט פּרץ הירשביינס „די נבלה".

פון וואַרשע פאָרט די טרופּע קיין לאָדזש, וואו זי שפּילט מיט אַ גרויסן דערפאָלג. צו דער געלעגנהייט ווערט אויך אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעל זאַמלהעפט „די ווילנער אין לאָדז" [לאָדז, מערץ 1918] מיט איבערגעדרוקטע רעצענזיעס פון דער פּרעסע און ספּעציעל געשריבענע אַרטיקלען. נאָך גאַסטשפּילן אין נאָך איינציקע שטעט פון פּוילן, פאָרט די טרופּע אויף אָפּרו קיין קאַזשימיערזש, וואו עס טרעטן אַריין אין דער טרופּע די אָנפאַנגער נאָרוויד, שידלאָ, בעלאַ בעלערינאַ, מרים ווידע און מרים שיק. געבנדיק איינציקע פאָרשטעלונגען אין לובלין, פאָרט די טרופּע צוריק קיין לאָדזש, וואו זי פירט אויף טאָלסטאָיס „די מאַכט פון פינסטערניש" [רעזשי — ל. קאַדיסאָן] און אַנדרעיעווס „די טעג פון אונזער לעבן" [רעזשי — א. אזרא און ל. קאַדיסאָן].

דערווייל איז אויסגעבראָכן די דייטשע רעוואָלוציע און די דייטשע אַרמעע האָט אָנגעהויבן פאַרלאָזן די אָקופּירטע געביטן. צוליב מורא צו ווערן אָפּגעריסן פון ווילנע, בפרט אָבער צוליב חלוקי-דעות אין דער טרופּע גופא, זיינען אזראַ און עלמית אָפּגעפאָרן קיין ווילנע, וואו זיי האָבן געגרינדעט דאָס דאָרטיקע יידישע מלוכה-טעאַטער. די „ווילנער טרופּע" ווידער איז אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע, וואו ס'זיינען צו איר צוגעקומען מרים אָרלעסקאָ, אייכען (דעמבסקי) און יעקב גערטלער און א"ד פון א. אייזענבערג איז אין קאַמינסקיס טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן הויפּטמאַנס „הענשל פורמאַן" (איב. ה. ד. נאָמבערג, רעזשי — דר. מ. ווייכערט). דאָ טרעט אַריין אין דער טרופּע דער רוסיש-יידישער אַקטיאָר לעאָניד סניעגאָוו, וועלכער פירט אויף און שפּילט אין סטרינדבערגס „דער פאָטער", סורגוטשאָווס „הערבסט-פידלען" [איב. ל. קאַדיסאָן], טשעכאָווס „אָנקל וואַניאַ" און גאָרקיס „אויפן אָפּגרונד" [איב. מ. מאזא און ל. קאַדיסאָן]. שפּעטער באַטייליקט זיך אויך אין די פּיעסען די רוסיש-יידישע אַקטריסע אסתּר אָרזשעוווסקאַיאַ. ביידע פאַרלאָזן באַלד די טרופּע.

די טרופּע גייט איצט איבער, אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, אין עליזעאום-טעאַטער און אונטער דער רעזשי פון דוד הערמאַן ווערן אויפגעפירט הירשביינס „דער תּקיעת-כּף" (אין וועלכער עס באַטייליקט זיך אויך דער ניי-צוגעקומענער הערץ גראָסבאַרד) און שניצלערס „ליבעליי". דערנאָך ווערן אויפגעפירט, אונטער דער רעזשי פון ל. קאַדיסאָן, ווייטערס „דער שטומער", יושקעוויטשעס „אין שטאָט" [איב. ל. קאַדיסאָן], מאַקס דרייערס „ווינטער-שלאָף" [איב. ל. קאַדיסאָן] און פּ. בימקאָס „גנבים" אין וועלכער עס באַטייליקט זיך די ניי-צוגעקומענע קלאַראַ סעגאַלאָוויטש.

אזראַ מיט זיין טרופּע (אזראַ, עלמית, אברהם טייטעלבוים, שלמה קאָן, יוסף בולאָוו, ח. שערמאַן (יהודית) א. א.) האָבן געשפּילט אין ווילנע ביז אַפּריל 1919, ווען דאָס פּוילישע מיליטער האָט פאַרנומען די שטאָט. סוף 1919 האָט אין ווילנע זיך געגרינדעט אַ יידישע טעאַטער-געזעלשאַפט, וועלכע האָט אָרגאַניזירט אַ טרופּע מיט עלמית, ראָזאַ בירנבוים, אזראַ, לייזער זשעלאַזאַ און איינציקע אַרטיקע „ליבהאָבער". דאָ איז אין משך פון איינציקע חדשים אויפגעפירט געוואָרן (אונטער מ. עלקינס רעזשי) „די וואַנט" פון ז. סעגאַלאָוויטש, א. ווייטערס „אין פייער" און „אַן אומגליק" און (אונטער אזראַס רעזשי) די פאָרשטעלונג פאַר קינדער: אָסקאַר וואַיילדס „דער גליקלעכער פּרינץ", מאָליערס „זשאָרזש דאַנדען" און נאָמבערגס „די משפּחה".

אין זומער 1920 פאַרבעט די ווילנער טעאַטער-געזעלשאַפט אַלס רעזשיסער דוד הערמאַן און די אַקטיאָרן פון דער „ווילנער טרופּע": שניאור, נאָרוויד, שידלאָ און גערטנער. אָבער, צוליב דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע, איז צו קיין נייער אויפירונג ניט געקומען. שניאור, זשעלאַזאַ און בירנבוים זיינען צוריק געקומען קיין וואַרשע און די לעצטע 2 זיינען ווידער אַריין אין דער דאָרטיקער „ווילנער טרופּע", בעת נאָרוויד, שידלאָ און גערטנער זיינען, נאָכן צוריקטרעטן פון באָלשעוויסטישן מיליטער, אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע. אזראַ און עלמית זיינען אַוועק קיין קאָוונע, וואו זיי שפּילן אַ קורצע צייט און פאָרן פון דאָרט קיין בערלין, וואו זיי גרינדן דאָס „יידישע קינסטלער-טעאַטער".

די טעאַטער-געזעלשאַפט אין ווילנע האָט דערווייל אויפגעהערט צו עקסיסטירן. דוד הערמאַן איז צוריק אַריינגעטראָטן אין דער וואַרשעווער „ווילנער טרופּע" און באַלד נאָך אים די אַקטיאָרן אברהם מאָרעווסקי, א. שטיין, חוה בראַז, יוסף בולאָוו, יוסף קאַמיען און דער „ליבהאָבער" יעקב ווייסליץ. די טרופּע פירט איצט אויף דימאָווס „שמע ישראל", אַנדרעיעווס „דער וואָס קריגט די פּעטש" (איב. א. מאָרעווסקי), „דאָס נייע געטאָ" פון דר. הערצל און „יאָהאַנעס-פייערן" פון הערמאַן זודערמאַן (איב. זלמן זילבערצווייג) [אַלע פּיעסען רעזשיסירט דורך א. מאָרעווסקי].

אין טאָג פון די שלושים נאָך ש. אַנסקי (9 דעצעמבער 1920) ווערט אויפגעפירט זיין פּיעסע „דער דיבוק" (רעזשי — דוד הערמאַן). דיזאָזיקע אויפירונג איז געווען אַ ריזיקער דערפאָלג: די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן הונדערטער מאָל ביי פולע הייזער און איז באַזוכט געוואָרן אויך פון דער פּוילישער אינטעליגענץ און אפילו פון דער יידישער אָרטאָדאָקסישער באַפעלקערונג. אין דער אויפירונג האָבן זיך אויך באַטייליקט דער ניי-צוגעקומענער א. סלאָבאָדסקי און דער „ליבהאָבער" יצחק קאָוונער [קאַדיסאָן].

דעם 27 מערץ 1921 האָט די טרופּע אויפגעפירט שלום אַשס „אמנון און תּמר" און „דער זינדיקער" [רעזשי — מ. עלקין]. דעם 14 אַפּריל 1921 האָט די טרופּע איינגעאָרדנט אַ קאָלעקטיווע פאָרלעזונג מיט מוזיק-באַגלייטונג פון ז. סעגאַלאָוויטשעס „די וואַנט". דעם 29 נאָוועמבער 1921 איז אויפגעפירט געוואָרן אַנסקי-קאַציזנעס „טאָג און נאַכט" (רעזשי — ל. קאַדיסאָן).

דעם 3 פעברואַר 1922 האָט ל. קאַדיסאָן אויפגעפירט שלום עליכםס קאָמעדיע „שווער צו זיין אַ ייד" און דעם 23 פעברואַר 1922 איז אויפגעפירט געוואָרן גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ" (איב. און רעזשיסירט — אברהם מאָרעווסקי). שפּעטער האָט מען נאָך אויפגעפירט לייוויקס „שמאַטעס" [רעזשי — ל. קאַדיסאָן], יצחק קאַצענעלזאָנס „קאַריקאַטורן" [רעזשי — א. שטיין] און מען האָט זיך געגרייט אויפצופירן פּרצס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" (אין דער באַאַרבעטונג פון דר. יצחק שיפּער), אָבער אינמיטן איז די טרופּע אַרויסגעפאָרן אויף גאַסטראָלן אין לאָדזש און איבער אַ ריי אַנדערע שטעט פון פּוילן. צוריקגעקערט אין וואַרשע, האָט די טרופּע נאָך געשפּילט אין קאַמינסקיס טעאַטער, און לאָזט זיך באַלד ווידער אַוועק אויף אַ טורנע איבער גאַליציע און פון דאָרט קיין

ווין, וואו זי שפּילט 6 חדשים אין ראָלאַנד טעאַטער און פאָרט ווידער גאַסטראָלירן איבער גאַליציע. דאָ גייען איבער אַ טייל מיטגלידער צו אַזראַן און דער פאַרבליבענער טייל פאָרט קיין רומעניע.

די געזעלשאַפט, וועלכע אַזראַ האָט געגרינדעט אין בערלין (הערמאַן שטרוק, ד״ר. ס. גראָנעמאַן, האַנס גאָסלער, אַרנאָלד צווייג א. א.), צו וועלכער ס׳זיינען אויך צוגעצויגן געוואָרן די רעזשיסערס און אַקטיאָרן הענרי גאַלען און זשאַן גאָטאָפּט, האָט געדונגען אַ טעאַטער אויף קאָמענדאַנטן שטראַסע אין בערלין און האָט באַפולמעכטיקט אַזראַן צונויפשטעלן אַ טרופּע, צו וועלכער ס׳זיינען פאַרבעטן געוואָרן: דוד הערמאַן, שניאור, זשעלאַזאַ, ראָזאַ בירנבוים (וועלכע זיינען אַרויס פון דער „ווילנער טרופּע“), בעלאַ בעלערינאַ, פרידאַ בלומענטאַל, הערץ גראָסבאַרד, משה פעדער, דוד האַמבורגער א. א. די טרופּע, וועלכע איז טיילמאָל אָנגעגאַנגען אַלס „ווילנער טרופּע“, האָט אָנגעהויבן שפּילן אין בערלין אין סעפּטעמבער 1921 און האָט אין משך פון 8 חדשים אויפגעפירט הירשביינס „די פּוסטע קרעטשמע“, אַנסקיס „דער דיבוק“ און נאָך אייניקע פּיעסען פון הירשביין, פּינסקי, א. א.

נאָך בערלין האָט די טרופּע געמאַכט אַ גרעסערן טורנע איבער דייטשלאַנד (לייפּציג, האַמבורג, קעלן, פראַנקפורט, כעמניץ א. א.), האָלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך און ענגלאַנד, וואו זי האָט געשפּילט ביז פעברואַר 1923.

אין מאַי 1923 ווערט די טרופּע רעאָרגאַניזירט און ס׳טרעטן אין איר אַריין: נח נאַכבוש, שלום טאַנין, מ. קאָוואַלסקי, פּאָלאַ וואַלטער, לאה נעמי, מרים ווײַדע, וואָלף זילבערבערג, בעטי דאַלסקאַ, משה פעדער א. א. פאַרברענגענדיק עטלעכע חדשים אין האַרצבורג אויף איינצושטודירן נייעם רעפּערטואַר, פאָרט די טרופּע קיין האָלאַנד און בעלגיע, און פון דאָרט ווערט זי פאַרבעטן דורך באָריס טאָמאַשעווסקי קיין אַמעריקע.

כדי צו דערגאַנצן די טרופּע, פון וועלכער ס׳זיינען אַרויס זילבערבערג און דאַלסקאַ, ווערן ספּעציעל פאַר אַמעריקע, צוגעצויגן שניאור, זשעלאַזאַ און בעלערינאַ.

קיין אַמעריקע איז די „ווילנער טרופּע“ געקומען אין פאָלגנדיקן באַשטאַנד: אַזראַ, בעלערינאַ, בלייפער, יוסף גרינבערג, ווײַדע, וויטאַלינאַ, וואַלטער, זשעלאַזאַ, טאַנין, לובאָצקי, נעמי, נאַכבוש, עלמית, פעדער, קאָוואַלסקי און שניאור. דעם 29 יאַנואַר 1924 האָט די טרופּע אָנגעהויבן שפּילן אין ניו-יאָרקער נאָראַ בעיס טעאַטער (אויף בראָדוויי און 44טע סטריט). דער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון די אין איראָפּע שוין געשפּילטע פּיעסען.

עטלעכע חדשים שפּעטער האָט די טרופּע זיך געלאָזט אויף אַ טורנע איבער אַמעריקע. נאָכדעם ווי עס טרעטן אַרויס שניאור און בעלערינאַ און ס׳קומען צו לייב און חנה קאַדיסאָן און ר. וועַנדאָרף, מאַכט די טרופּע אַ צווייטן טורנע איבער אַמעריקע, בעת וועלכן זי שפּילט 6 חדשים אין לאָס אַנדזשעלאָס, שפּעטער ווידער איבער דער פּראָווינץ, אין ניו יאָרק און אין שיקאַגאָ, וואו, צוליב יוניע-באַדינגונגען, טרעט זי אַריין אין גליקמאַנס טעאַטער צו שפּילן נאָר 2 מאָל אין וואָך. דאָ ווערט אויפגעפירט „דער לופט-מענטש“ פון ס. יושקעוויטש (איב. און רעזשי — ל. קאַדיסאָן), לעאָן זאַלאַטקאָפס פּיעסע „דער ביטערער טראָפּן“ און אברהם גאָלדפאַדענס „ביידע קוני-לעמעל“ (ביידע רעזשי — ל. קאַדיסאָן).

נאָך גאַסטראָלן אין קליוולאַנד און דעטראָיט, קערט די טרופּע צוריק קיין ניו-יאָרק, וואו אַזראַ נעמט איבער די דירעקציע פון דער טרופּע און עפנט מיט איר דעם ניו-יאָרקער ליפּצין-טעאַטער (פאַרן סעזאָן 1926-27). דאָס פּערסאָנאַל באַשטייט פון: אַזראַ, וואַלטער, וועַנדאָרף, לובאָצקי, טאַנין, פעדער, לייב און חנה קאַדיסאָן, נעמי, שיגאָרין און פון די מיטגלידער פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע אין אַמעריקע: עני שאַפּיראָ, יצחק בליפעלד, משה זילבערשטיין און איציק הערשקאָוויטש (סופלער).

דאָס טעאַטער ווערט געעפנט דעם 3 סעפּטעמבער 1926 מיט אַל. טאָלסטאָיס און פּאַוועל שטשעגאָלעווס פּיעסע „ראַספּוטין און די צאַריצאַ“ (איב. און באַאַרבעט מ. אָשעראָוויטש, רעזשי — ד. ס. מאָנקאַ, דעק. — פּאַשקאָ). דעם 22 סעפּטעמבער 1926 ווערט אויפגעפירט קאַדעלבורגס קאָמעדיע „דער שוואַרצער פּלעק“ [איב. ל. קאַדיסאָן] (רעזשי — י. שיגאָרין און ל. קאַדיסאָן), דעם 22 אָקטאָבער 1926 — לואי מילערס דראַמע „אָן אַ האַרץ“ (רעזשי — ל. קאַדיסאָן, אונטער דער אויפזיכט פון מחבר) און, נאָכדעם ווי אַזראַ און עלמית ציען זיך צוריק פון דער טרופּע, טרעט דאָרט אויף דזשעני וואַליער אין איר רעפּערטואַר. שפּעטער ווערן נאָך געשפּילט אייניקע גאָרדין-פּיעסען (אין וועלכע עס באַטייליקט זיך אויך וויעראַ לובאָוואַ) און די טרופּע פאָרט אַרויס איבער דער פּראָווינץ.

פאַרן סעזאָן 1928-29 אָרגאַניזירט זיך די טרופּע קאָאָפּעראַטיוו מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל: ראָזאַ בירנבוים, בערגרין, וועַנדאָרף, זשעלאַזאַ, העלען זשעלינסקאַ, משה טיימאַן, נעמי, נעראָסלאַווסקאַ, נאַכבוש, לייב און חנה קאַדיסאָן און די מיטגלידער פון „קונסט-רינג“: קאָלקער, קאָן, און זי נעמט איבער דאָס אינטימעד טעאַטער אין בראָנקס. וועלכן זי עפנט דעם 12 אָקטאָבער 1928 מיט ב. עפּעלבוימס „גראַנגעל, אַ שפּיל אין דריי אַקטען און זיבן בילדער“ (רעזשי — יעקב מעסטעל און יעקב בן-עמי, דעק. — מ. זאָלאָטאַראָוו, מוזיק — א. עלשטיין), שפּעטער ווערט געשפּילט רעפּערטואַר און דעם 13 דעצעמבער 1928 ווערט אויפגעפירט חנא גאָטעספעלדס קאָמעדיע „פּרנסה“ (רעזשי — ל. קאַדיסאָן), וואָס ווערט געשפּילט ביז סוף סעזאָן.

זומער 1929 שפּילט די טרופּע איבער די ניו-יאָרקער יידישע טעאַטערס און אין דער פּראָווינץ.

דעם סעזאָן 1929-30 שפּילט די טרופּע אין בראָנקסער אַמעריקאַ-טעאַטער מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל: יוסף בולאָוו, באַרזעל, בירנבוים, וועַנדאָרף, טיימאַן, נעמי, נעראָסלאַווסקאַ, נאַכבוש, פעדער, לייב, חנה און ליובאַ קאַדיסאָן. דעם 1 נאָוועמבער 1929 ווערט דאָ אויפגעפירט פראַנטשישעק לאַנגערס פּיעסע „פּעריפעריע“ א״נ „מאָרד“ [איב. — ליובאַ קאַדיסאָן], דעם 10 דעצעמבער 1929 — א. קאַציזנאַס פּיעסע „דער דוכוס“ אין יוסף בולאָווס באַאַרבעטונג א״נ „דער גר-צדק“ (דעק. — ל. קאַדיסאָן), דעם 31 יאַנואַר 1930 — לודוויג פולדאַס קאָמעדיע „יוגענד-פרוינדע“ א״נ „אַלטע בחורים“ און דעם 28 פעברואַר 1930 — אַ רעווי פון פאָלקסלידער און סצענעס א״נ „דער רעגענבויגן“ (אַלע רעזשי — י. בולאָוו). נאָכדעם ווערט די טרופּע פאַקטיש צעפאַלן.

זומער 1923 איז דער איראָפּעאישער טייל פון דער „ווילנער טרופּע“ [לייב, חנה און ליובאַ קאַדיסאָן, א. שטיין, י. בולאָוו, י. טאַרלאָ, א. סאַמבערג, העלענאַ גאָטליב, י. ווייסליץ, מ. אָרלעסקאָ, י. קאַמיען, י. לאַרעס, ה. שניאור, ח. בראַז א. א.] אָנגעקומען אין רומעניע, וואו זיי שפּילן פון 1 יולי ביזן 9 סעפּטעמבער 1923 אונטער דער דיר. פון י. גאָלדענבערג אין בוקאַרעסטער גאַרטן זשיגניצע. דאָ האָט סאַמבערג אויפגעפירט שלום אַשס „מאָטקע גנב“ און שלום-עליכמס „דאָס גרויסע געווינס“. דערנאָך האָט די טרופּע ביז סוף דעצעמבער גאַסטראָלירט אין גאַלאַץ, יאַסי, טשערנאָוויץ, בעלץ און קעשיענעוו און איז בערך פעברואַר 1924, אויף דער איינלאַדונג פון טשערנאָוויצער יידישן טעאַטער-פאַריין, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו שטיצן די טרופּע, צוריקגעקומען אויף אַ לענגערן גאַסטראָל אין טשערנאָוויץ, וואו ס׳איז אויפגעפירט גע-

וואָרן ה. בערגערס קאָמעדיע „דער מבול“ [איב. זלמן זילבערצווייג, רעזשי — א. סאמבערג און ל. קאַדיסאָן, דעק. — קאַדיסאָן]. אָבער צוליב די אויסגעבראָכענע אַנטיסעמיטישע אומרועז איז דער טרופע פאַרווערט געוואָרן צו שפּילן. „די טרופּע האָט זיך — לויט חיים גלער — אַרומגעדרייט וואָכנלאַנג אין טשערנאָוויץ אָן אַרבעט. עטלעכע מיטגלידער האָבן זיך באַצייטנס אַרומגעזען און אַוועק אין דער ווייטער וועלט. דער רעשט האָט זיך געלאָזט אין די קלענערע פּראָווינץ-שטעט, וואו מען האָט נאָך ניט דערשמעקט דעם פאַרבאָט“.

זומער 1924 קערט צוריק די טרופּע (פון וועלכער ס'זיינען אַרויסגעטראָטן לייב און חנה קאַדיסאָן) קיין בוקאַרעסט, וואו זי שפּילט ביזן 14 סעפּטעמבער 1924 אין זשיגניצע. דאָ האָט אויך סאמבערג אויפגעפירט מאָליערס „דער קאַרגער“ (איב. א. איינהאָרן) און פאַרלאָזט די טרופּע. צוליבן שוואַכן מאַטעריעלן דערפאָלג ציט זיך גאָלדענבערג צוריק פון דער דירעקציע איבער דער טרופּע און נאָכדעם ווי בולאָוו, ליובאַ קאַדיסאָן און ה. שניאור טרעטן אַרויס פון דער טרופּע, פאָרן די איבריקע אויף דער פּראָווינץ, אָבער באַלד קומען צוריק בולאָוו און ליובאַ קאַדיסאָן און די טרופּע הייבט אָן ווידער שפּילן אין בוקאַרעסט אין צענטראַל-טעאַטער (דיר. סאנדוי). דאָ פירט אויף דער צוגעקומענער רעזשיסער בעלאַ דאַניעל דוד פּינסקיס „דוד המלך און זיינע ווייבער“ און מאָליערס „זשאָרזש דאַנדען“, און דערנאָך, צוזאַמען מיט בולאָוו, אַ רעווי-פּראָגראַם. דאַניעל פאַרלאָזט די טרופּע און בולאָוו פירט אויף זיינע און י. שטערנבערגס באַאַרבעטונג פון א. דימאָווס „דער זינגער פון זיין טרויער“ [דעק. — רובין און באַראָן לעווענדאַל], וועלכע האָט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג.

דער סעזאָן איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט א. שטיינס און י. שטערנבערגס אויפירונג פון ל. נ. טאָלסטאָיס „דער לעבעדיקער מת“.

זומער 1925 איז די טרופּע אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ מיט דימאָווס פּאָפּולער געוואָרענער פּיעסע „דער זינגער פון זיין טרויער“.

צום סעזאָן 1925-26 האָט אין בוקאַרעסט זיך געגרינדעט אַ געזעלשאַפט אויפצוהאַלטן די „ווילנער טרופּע“, וועלכע האָט באַדאַרפט, צוליב לאָקאַלע טעמים, ענדערן איר נאָמען אויף „דראַמע און קאָמעדיע“. אַלס קינסטלערישער לייטער איז אַנגאַזשירט געוואָרן דער דיכטער יעקב שטערנבערג. ס'זיינען אויך צוגעקומען די אַקטיאָרן שמחה נאַטאַן, נעמי לעווענטאַל-נאַטאַן און ש. אירים. געעפנט דעם סעזאָן האָט מען מיט א. קאַציזנעס פּיעסע „דער דוכוס“, אויפגעפירט דורכן מחבר [דעק. — אַרטור קאָלניק]. דערנאָך האָט שטערנבערג אויפגעפירט גאָגאָלס „חתונה“ (דעק. — באַראָן לעווענדאַל) און א. שטיין, — יעווריעאינאָווס „דער עיקר“ [איב. ש. אירים]. אָבער די גרויסע קאָסטן פון די אויפירונגען און דער שוואַכער באַזוך פירן צו אַ באַנקראָט פון דער געזעלשאַפט. די טרופּע ווערט ווידער זעלבסטשטענדיק און קערט צוריק צו איר פירמע „ווילנער טרופּע“. דאָ פירט אויף י. בולאָוו זיין באַאַרבעטונג פון זשולאַווסקי און אַשם „שבתאי צבי“ [דעק. — מאַקסים, מוזיק — שוואַרצמאַן] און די טרופּע לאָזט זיך ווידער איבער דער פּראָווינץ, באַזוכענדיק צום ערשטן מאָל טראַנסילוואַניע, וואו זי באַגעגנט זיך מיט איסורים פון די יידישע כלי-קודש צו באַזוכן אירע פאָרשטעלונגען. נאָכדעם ווי יוסף בולאָוו און ליובאַ קאַדיסאָן פאָרן אָפּ קיין אַמעריקע, קערן צוריק די איבריקע מיטגלידער קיין בוקאַרעסט, וואו זיי שפּילן אַ קורצע צייט און פאָרן פון דאָרט קיין טשערנאָוויץ, וואו א. שטיין פירט אויף ל. אַנדרעיעווס פּיעסע „דער געדאַנק“ [איב. נתן זילבערצווייג]. אין אַפּריל 1926 ווערט

דאָ אויפגעפירט די פּיעסע „דער דעטעקטיוו“ פון ראַמולוס וואַינעסקו (איב. דר. שלמה ביקל), וועלכע רופט אַרויס אַ סקאַנדאַל צוליב דעם וואָס איר מחבר איז דער פאָרשטייער פון דער אָרטיקער געהיים-פּאָליציי. שטיין און אַנדערע מיטגלידער טרעטן אַרויס פון דער טרופּע און די איבריקע קערן צוריק קיין פּוילן, וואו זיי שפּילן צוערשט איבער דער גאַליצישער פּראָווינץ, דערנאָך אין לעמבערג אין זאַל פון אוקראַאינישן טעאַטער.

די טרופּע איז דאַמאָלט באַשטאַנען פון מרים אָרלעסקאָ, חוה אייזען, בראַקאַרזש, דוד הערמאַן, רחל האָלצער, האַבער, יעקב און יוכבד ווייסליץ, וויינשטאָק, מ. מאַזאַה, אברהם מאָרעווסקי, נעמי און שמחה נאַטאַן, י. קאַמיען און נאַדיאַ קאַרעני. אויפגעפירט האָט מען: דעם 12 אויגוסט 1927 „דער נסיון, דראַמאַטיש מעשהלע אין 4 אַקטן פון יעקב פּרעגער, רעזשי — דוד הערמאַן“, אין אָקטאָבער 1927 — „יהודית און הולפרנוס“ (רעזשי ד. הערמאַן), שפּעטער „די אונטער וועלט (פּעריפעריע), דראַמע אין 4 אַקטן פון פראַנטישישעק לאַנגער [רעזשי — יעזשי וואַלדען, דעק. — פּריץ קליינמאַן, קאָמפּ.—מ. האָניגשטאָק]“ און וויספּיאַנסקיס „ריכטער“.

פון לעמבערג פאָרט די טרופּע קיין קראָקע און פון דאַנען קומט זי אין וואַרשע, וואו זי הייבט אָן שפּילן דעם 22 מערץ 1928 אין עליזעאום-טעאַטער מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל: מרים אָרלעסקאָ, דוד בירנבוים, העלענאַ גאָטליב, אסתר גאָלדענבערג, זלמן הירשפעלד, יעקב ווייסליץ, רות טאָרן, דוד ליכט, יעקב מאַנסדאָרף, נעמי און שמחה נאַטאַן, א. סאַמבערג, יוסף און דינה קאַמיען, יעקב קורלענדער, בת-שבע קרעמער, אסתר ראַפּעל, פּערל רות און שמואל שעפּטעל. דעם 2 מאַי 1928 ווערט דאָ אויפגעפירט „קידוש השם פון שלום אַש, צונויפגעשטעלט פאַר דער בינע אין 25 בילדער און רעזשיסירט דורך מיכאַל וויכערט, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען פון וו. וויינטרויב, מוזיק פון הענעך קאָן, טענץ און פּלאַסטיק באַאַרבעט דורך די שוועסטער ראָם, כאָראַלע און מאַסן-סצענעס—פּאָלקסכאָר פון מ. שניאור“.

דעם 14 אויגוסט 1928 איז דאָ אויפגעפירט געוואָרן „די ווייבערישע קניפּלעך — אַן אַלטע יידישע קאָמעדיע אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג, מיט מוזיק און געזאַנג פון לודוויג (לייבוש) לעווינזאָן (לעוויזאָן), אינסצעניזאַציע און רעזשי — דוד הערמאַן, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען — וו. וויינטרויב, מוזיק — באַאַרבעט פון קומאָק“.

אָקטאָבער 1928 איז דאָ אויפגעפירט געוואָרן פּרצס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק, אינסצעניזאַציע און רעזשי — דוד הערמאַן, דעק. — וו. וויינטרויב, מוזיק — יוסף קאַמינסקי, טענץ — לאה ראָטבוים“.

סעפּטעמבער 1928 גאַסטראָלירט אברהם טייטעלבוים און פירט אויף „די תאוה אונטער די אולם-בוימער פון יודזשין אָ'ניעל, יידיש — אברהם טייטעלבוים, דעק. י. שליוואַניק“.

אין נאָוועמבער 1928 פאָרט אַרויס די טרופּע אויף אַ קורצן גאַסטראָל איבער אייניקע שטעט פון פּוילן און שפּילט אויך, צום ערשטן מאָל זייט דער גרינדונג פון דער טרופּע, אין ווילנע, וואו די געזעלשאַפט „פריינט פון יידישן טעאַטער אין ווילנע“ גיבן אַרויס דעם 4 דעצעמבער 1928, לכבוד דער טרופּע, אַ ספּעציעל פלוגבלאַט „אונזער בינע“.

דעם 18 דעצעמבער 1928 הייבט אָן די טרופּע צוריק שפּילן אין וואַרשע און אין דעצעמבער 1928 ווערט דאָ אויפגעפירט „דער כשוף-קרייז, שפּיל אין 4 אַקטן (5 בילדער) נאָך דעם כינעזישן פון קלאַבונד, יידיש — משה לייב האַלפּערן, רעזשי — אברהם טייטעלבוים, דעק. — וו. וויינטרויב“.

דעם 6 פעברואַר 1929 ווערט אויפגעפירט וו. קאַטאַיעווס „מאַן,

וויב און רעוואָלוציע (די קוואַדראַטור פון ראָד), יידיש מ. מ. רעזשי — דוד הערמאַן" און אין פעברואַר 1929 — „שיילאָק (דער סוחר פון ווענעדיק), ספּעקטאַקל אין 4 אַקטן פון וויליאַם שעקספּיר, איבערזעצט פון ישראל שטערן און מאַרק ראַקאָווסקי, אינסצעניזאַציע און רעזשי — מיכאל וויַיכערט, דעק. און קאָסט. — וו. וויַינטרויב, מוזיק — ה. קאָן, טענץ און פּלאַסטיק — ד'אַגנע".

דאָ טרעט אַרויס פון דער טרופּע א. סאַמבערג און ס'טרעטן צוריק אַריין יוסף קאַמיען און דינה קאַמיען [קעניג]. צוליב די הויכע שטייערן און אַנדערע מניעות פּאַרלאָזט די טרופּע דעם 9 מאַי 1929 וואַרשע און פּאָרט אויף אַ טורנעע איבער קראָקע, לאָדזש, ראַדאָם, לובלין, גאַליצישע פּראָווינץ און ביאַליסטאָק, וואו עס ווערט דעם 10 נאָוועמבער 1929 אויפגעפירט „יידן-שטאָט, דראַמע אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג פון אהרן צייטלין, אינסצעניזאַציע און רעזשי — דר. מיכאל וויַיכערט, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען — וו. וויַינטרויב, מוזיק און כאָרן — הענעך קאָן, פּלאַסטישע באַאַרבעטונג — לאה ראָטבוים".

בעת די וויַיטערדיקע גאַסטראָלן שפּילט די טרופּע ווידער אין לאָמזשע, באַראַנאָוויטש, ווילנע, גראָדנע און ביאַליסטאָק, צוגרייטנדיק די אויפפירונג פון ליפשיצס „הערשעלע אָסטראָפּאָלער" און לייוויקס „דער גולם".

מ. ע. פון לייב קאַדיסאָן, לאה נעמי, נח נאַכבוש, יוסף בולאָוו.

זלמן רייזען — דער יודישער טעאַטער אין ווילנא, „ווילנער זאַמעלבוך" (רעד. דר. צ. שאבאד), ווילנע, 1918, זז. 174-165.

דוד איינהאָרן — די מלחמה האָט געשאַפן אַ אידישען פאָלקס-טהעאַטער אין בערלין, „פאָרוו.", נ. י. 7 אויגוסט 1921.

א. ס. ליריק — דער „דבוק" אין בערלין איז אַ דורכפאַל, „טאָג", נ. י., 16 דעצ. 1921.

זלמן זילבערצווייג — אַ יאָר יודיש טעאַטער, „טעאַטער און קינא", לאדזש, 1, 1922.

מ. מ. [מאָרים מייער] — דאָס יודישע טעאַטער אין לאָנדאָן, „טא"ק". לאָדזש, 2-1, 1922.

ב. א. סאָכאַטשעווסקי — די „ווילנער טרופּע אין לאָנדאָן", „טא"ק", לאָדזש, 1, 1922.

ר. פּ. — אַ בריוו פון אַנטווערפּען, „טעאַטער און קינא", לאָדזש, 2, 1922.

אַ וואַנדערער — די „ווילנער טרופּע", „טעאַטער און קינא", לאָדזש 3, 1922.

נ. פּ. — די „יידישע קינסטלער-טרופּע" אין פּאַריז, „טעאַטער און קינא", לאָדזש, 4, 1922.

א. האַמער — די „ווילנער טרופּע" אין ווין, „טעאַטער און קינאָ", לאָדזש, 5, 1922.

פּנחס קאַץ — ביידע קוני-לעמלס, „טאָ"ק", לאָדזש, 7, 1922.

א. האַמער — גרויסער ערפאָלג פון „ווילנער טרופּע" אין ווין, „טעאַטער און קינא", לאָדזש, 9, 1922.

ל. בלומענפעלד — די באַריהמטע ווילנער טרופּע שפּילט איצט אין פּאַריז, „פאָרוו." נ. י., 3 נאָוו., 1922.

דר. ל. קאַץ — דער „דיבוק" און אַ נייער „שיילאָק" אין ווין, „פרייהייט", נ. י. 16 דעצעמבער, 1922.

פּנחס קאַץ — די באַריהמטע ווילנער טהעאַטער טרופּע — אָדער ביידע קוני-לעמעלס, „פאָרוו.", 30 דעצ., 1922.

א. האַמער — די וויַיטערדיקע גאַסטראָלן פון די „ווילנער" אין ווין, „טא"ק", לאָדזש, 2, 1923.

מ. ביעלסקי — „די ווילנער" און דאָס צוקונפטיקע יידישע טעאַטער, „טא"ק", לאָדזש, 7, 1923.

מענדעל עלקין — שלום אַש'ס „גאָט פון נקמה" איז זיך נוקם אָן אַ האָלענדער ראַבינער, „פאָרוו.", 28 יולי, 1923.

אב. קאַהאַן — די שוישפּילער פון דער באַריהמטער „ווילנער טרופּע", „פאָרוו.", 16 נאָוועמבער 1923.

אב. קאַהאַן — דער גײַעג נאָך דדי אַקטיאָרען פון דער „ווילנער טרופּע", „פאָרוו.", 3 דעצעמבער 1923.

[—] טהעאַטער פּאָליטיק פון כאַסלאַוויטש ביז ליבאַוויטש און פון לאָנדאָן ביז ניו-יאָרק, „פאָרוו." 7 דעצ., 1923.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — טהאָמאַשעווסקי דערצעהלט וואָס עס האָט זיך אָבגעטאָן אין טהעאַטער וועלט מיט דער ווילנער טרופּע, „פאָרוו.", נ. י., 12 דעצ. 1923.

אב. קאהאן — די ערוואַרטעטע געסט, די „ווילנער טרופּע", „פאָרוו.", 4 יאַנואַר 1924.

ב. באָטווינִיק — עפּעס גאָר אַנאַנדער סאָרט אידישע אַקטיאָרען זיינען זיי, „פאָרוו." 11 יאַנואַר 1924.

דר. א. מוקדוני — אַלטע בעקענטע צווישען די ווילנער, „מאָ"זש", נ. י. 11 יאַנואַר 1924.

ב. בראָנז — די ווילנער טרופּע אין ניו-יאָרק, „פאָרוו.", 12 יאַנ., 1924.

אלף-אלף — דאָס נייע אין דער ווילנער טרופּע, „מאָ"זש", נ. י. 18 יאַנואַר 1924.

ליליפּוט — קונסט כהנים אין דער פרעמד, „פרייהייט", נ. י. 18 יאַנואַר, 1924.

צבי כהן — „די ווילנער", „ייד"טגבלט", 18 יאַנואַר 1924.

א. פרומקין — די „ווילנער" אין ניו-יאָרק, „די אידישע וועלט", קליוולאַנד, 22 יאַנואַר 1924.

ב. באָטווינִיק — „די ווילנער טרופּע" איז געבאָרען אין אַ צייט פון שרעק, הונגער און פאַרצווייפלונג, „פאָרוו.", נ. י. 24 יאַנואַר 1924.

ש. ערדבערג — צו טאָמאַשעווסקי'ס ברייגנגען די „ווילנער", „ייד"טבלט" 25 יאַנואַר, 1924.

י. ל. פיין — לאָנדאָנער אידען האָבען פאַראיבעל אויפ'ן „פאָרווערטס" פאַרוואָס ער האָט געקידנעפּט די ווילנער טרופּע, „פאָרוו.", 26 יאַנואַר, 1924.

צ. ה. רובינשטיין — גאַליציאַנער און ליטוואַקעס, „דער טאָג", נ. י. 30 יאַנואַר 1924.

אב. קאַהאַן — די ערשטע אַמעריקאַנער פאָרשטעלונג פון דער ווילנער טרופּע, „פאָרוו.", נ .י. 30 יאַנואַר 1924.

נ. בוכוואַלד — די ערשטע פאָרשטעלונג פון דער ווילנער טרופּע, „פרייהייט", נ י. 30 יאַנואַר 1924.

דר. א. קאָראַלניק — דער ווילנער „דבוק", „דער טאָג", נ. י .30 יאַנ., 1924.

שכנא עפּשטיין — דאָס „פּינטעלע איד" אין אַ העכערער מדרגה, „פרייהייט", נ. י., 1 פעב., 1924.

ישראל דער יענקי — די ווילנער טרופּע אין אַנ—סקי'ס „דיבוק", „ייד"טגבלט", 1 פעברואַר 1924.

לעד פּענסיל — וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין טהעאַטער ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג פון די ווילנער, „פאָרוו.", 1 פעב., 1924.

וולאַדימיר גראָסמאַן — דער דבוק ביי די ווילנער „דער טאָג", נ. י. 1 פעברואַר 1924.

דר. א. מוקדוני — טעאַטראַלע דבקות, „מא"זש", נ. י. 1 פעב., 1924.

ב. באָטווינִיק — די זיעגרייכע דייטשען זיינען באַזיעגט געוואָרען פון דער יידישער ווילנער טרופּע, „פאָרוו.", 2 פעברואַר, 1924.

וו. גראָסמאַן — דער גרויסער שפּרונג פון דעם „דיבוק" ביז צו דער „נבלה", „דער טאָג", נ. י. 6 פעברואַר, 1924.

הלל ראָגאָף — די ווילנער טרופּע אין אַ רעאַליסטישער דראַמע, „פאָרוו." 6 פעברואַר 1924.

אָלגין — ניט אמת, „פרייהייט", נ. י. 8 פעברואַר, 1924.

ב. באָטווינִיק — די דייטשען גיבען אַוועק דער ווילנער טרופּע דעם שטאָדטישען טהעאַטער, „פאָרוו." 9 פעברואַר 1924.

ש. ערדבערג — די ווילנער אין „די נבלה", "ייד"טגבל", 8 פעב., 1924.

פּנחס קאַץ — אַ העכסט אינטערעסאַנטע מעשה וועגען א ווילנער בעל-העגלה, איצט אַ „לאָרד" אין לאָנדאָן און די ווילנער טרופּע, „פאָרוו.", נ. י., 13 פעברואַר 1924.

ב. באָטווינִיק — די באָלשעוויקעס ערקלערען די ווילנער טרופּע אַלס רעגירונגס-טעאַטער, „פאָרוו." 16 פעב. 1924.

דר. א. מוקדוני — „דער דבוק" און „די נבלה" ביי דער ווילנער טרופּע, „מאָ"זש", נ י. 15 פעברואַר 1924.

א. [ז.] קאָרנבליטה — די ווילנער טרופּע האָט אָפּגעלעבט דעם „פּאַטריאָטיזם" פונם אידישען טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י. 18 פעב., 1924.

ב. י. גאָלדשטיין — ביי די ווילנער און אין קונסט-טעאַטער, „דער טאָג", נ. י. 22 פעברואַר 1924.

ב. באַטוויניק — ווי אַזוי די ווילנער טרופּע האָט זיך געפּיהלט צו דער ערשטער פאָרשטעלונג אין אַמעריקא, „פאָרוו.“ 23 פעב., 1924.

וולאַדימיר גראָסמאַן — „גרינע פעלדער“, „טאָג“, 25 פעברואַר, 1924.

ב. גאָרין — די בעסטע פאָרשטעלונג פון דער ווילנער טרופּע, „מאָ“זש“, 26 פעברואַר 1924.

נ. בוכוואַלד — הירשבײנ׳ס אַ אידיליע ביי די ווילנער, „פרייהייט“ 25 פעברואַר 1924.

הלל ראָגאָף — די ווילנער טרופּע אין פּרץ הירשבײנ׳ס „גרינע פעלדער“, „פאָרוו.“ 27 פעברואַר 1924.

וולאַדימיר גראָסמאַן — „קינסטלער“, „טאָג“, 26 פעב., 1924.

צביון — אָט אַזוי שפּיעלט מען טעאַטער, „פאָרוו.“ 29 פעב., 1924.

ישראל דער יענקי — „די גרינע פעלדער“, „ייד“טלבלט“, 29 פעב. 1924.

ב. באַטוויניק — פאַרוואָס קען מען ניט מאַכען אין אַמעריקא אַזאַ טהעאַטער ווי די ווילנער טרופּע? „פאָרוו.“, 9 מערץ 1924.

דער טונקעלער — דער גערודער מיט די „ווילנער“ אין אַמעריקא, „ייד“טגבלט“, 7 מערץ, 1924.

פּנחס קאַץ — איהר זייט אַ ווילנער? „פאָרוו.“, 7 מערץ, 1924.

אב. קאהאן — טהעאַטער נאָטיצען, „פאָרוו.“ 14 מערץ, 1924.

ל. ס. ביעלי — „דער דאָרפסיונג“ ביי די ווילנער, „ייד“טגבלט“, 21 מערץ, 1924.

אב. קאהאן — ווילנער טרופּע אין קאָברין׳ס „יאנקעל בוילע“, „פאָרוו.“ 19 מערץ, 1924.

נ. ב. — די ווילנער, די אַקטיאָרן־יוניאָן און דער „פאָרווערטס“, „פרייהייט“, 19 מערץ 1924.

מ. אָשעראָוויטש — נח נאַכבוש און ל. זשעליאַזאָ אין איין ראָלע, „פאָרוו.“, 21 מערץ 1924.

דר. א. מוקדוני — דער דאָרפס־יונג (יענקעל בוילע), „מאָ“זש“, 21 מערץ, 1924.

סאַראַה ב. סמיטה — לעאָן קאָברינ׳ס „דאָרפס־יונג“ ביי די ווילנער, „טאָג“, 21 מערץ 1924.

ישראל דער יענקי — אַ צווייטע סעריע „ווילנער“ אין ל. קאָבריןס „דאָרפס יונג“, „ייד“טגבלט“, נ. י. 28 מערץ, 1924.

מ. עלקין — די ווילנער, „טעאַליט“, נ. י. 4, 1924.

ר. גוסקין — ערקלערונג פון אַקטיאָרען יוניאָן וועגען קאָנטראַקט פון נעשאָנאַל טעאַטער מיט דער „ווילנער טרופּע“, „פאָרוו.“ 1 אַפּריל, 1924.

ב. באַטוויניק — אַנטיסעמיטען פון באַדען קויפען אויס טיקעטס אויסצופייפען די ווילנער, „פאָרוו.“, 11 אַפּריל 1924.

מ. אָשעראָוויטש — דער איינדרוק וואָס די „ווילנער“ מאַכען אין „יאַנקעל דער שמיד“, „פאָרוו.“, 24 אַפּריל 1924.

מלך עפּשטיין — די ווילנער צייכענען זיך אויס אין „יאנקעל דער שמיד“, „פרייהייט“, 25 אַפּריל 1924.

אב. קאהאן — די ווילנער טרופּע אין דוד פּינסקי׳ס „יאנקעל דער שמיעד“, „פאָרוו.“, 26 אַפּריל, 1924.

אב. קאהאַן — נאָטיצען וועגען אידישען טהעאַטער, „פאָרוו.“, 29 אַפּריל, 1924.

נ. בוכוואַלד — די ווילנער טרופּע אין נאָך אַ פּיעסע, „פרייהייט“, 30 מאַי 1924.

חיים געלער — בריוו פון רומעניע „ליט“בלט“, 34, 27, 1924.

יוסף בולאָוו — אַ בריוו וועגן דער ווילנער טרופּע אין רומעניען, „ליט“בלט“, 59, 1925.

ח. געלער — די „ווילנער“ אין ירושלים דרומעניע, „ליט“בלט“, 66, 1925.

דר. י. וויגאָדסקי — „אין שטורם“, ווילנע, 1926, זז. 281-82.

מיכאל וויכערט — „טעאַטער און דראַמע“, ווילנע 1926, I, זז. 35-39, 71-128, II, זז. 5-8, 13-20.

ב. מ. — רויטער גרימצאָרן, „נייע פאָלקס־צייטונג“, וואַרשע, 22 אַפּריל 1926.

רות — דער אמת וועגן סקאַנדאַל מיט דער ווילנער טרופּע אין רומעניע, „נייע פאָלקסצייטונג“, וואַרשע, 126, 1926.

דר. י. קריטיקוס — דיא „ווילנער“ ווערען אַמעריקאַנער, „דער אַמעריקאַנער“, נ. י., 16 אַפּריל 1926.

נ. בוכוואַלד — באוערי און סעקאָנד עוועניו, „פרייהייט“, 10 סעפּט. 1926.

דר. א. מוקדוני — דער אָנהויב „מאָ“זש“, 13 סעפּט., 1926.

אב. קאַהאַן — דער נייער סיזאָן אין אידישען טעאַטער, „פאָרוו.“, 14 סעפּט. 1926.

אב. קאהאן — דריי פון די נייע אידישע פּיעסען, „פאָרוו.“, 16 סעפּט., 1926.

דר. א. מוקדוני — געוויין און געלעכטער אין דריי טעאַטערס, „מאָ“זש“, 29 סעפּט. 1926.

א. פרומקין — „דער שוואַרצער פלעק“ אַ נייע פּיעסע ביי דער ווילנער טרופּע“, „דער טאָג“, נ. י. 29 סעפּט. 1926.

נ. בוכוואַלד — די נייע „אָריענטאַציעס“ פון אונזערע קונסט־טעאַטערס, „דער האַמער“, אָקטאָבער 1926.

ל. קעסנער — —„אָהן אַ האַרץ“, „ייד“טגבלט“, נ. י., 29 אָקט., 1926.

הלל ראָגאָף — די ווילנער טרופּע אין אַ נייע פּיעסע, „פאָרוו.“, 29 אָקט., 1926.

א. פרומקין — לואי מילער׳ס „אָהן אַ האַרץ“ ביי די „ווילנער“, „טאָג“, 27 אָקט. 1926.

דר. א. מוקדוני — לואי מילער׳ס „אָהן אַ האַרץ“, מא“זש“ 29 אָקט., 1926.

ב. באַטוויניק — די ווילנער טרופּע אויף דער באוערי, „דער וועקער“, נ. י., 20 נאָוו., 1926.

[—] די ווילנער אידישע קינסטלער און זייער דירעקטאָר פון דער „סיגוראַנצע“, „פרייהייט“, נ. י., 20 דעצ., 1926.

[נאָטיץ אין] „ליט“בלט“, 119, 1926.

אהרן צייטלין — ביי די ווילנער אין לעמבערג, „ליט“בלט“, וואַרשע, 34, 1927.

ל. דרייקורס — אַן אַלט־נייער טעאַטער־צענטר, „ליט“בלט“, וואַרשע, 41-42, 1927.

יעקב באָטאשאנסקי — די ווילנער טרופּע אין רומעניע, „יידיש טעאַטער“, וואַרשע, 1, 1927, זז. 64-68.

Arnold Zweig — "Juden Auf der deutschen Bühne", Berlin, Welt-Verlag, 1928, pp. 268-275.

זלמן זילבערצווייג — וואָס איז געוואָרען מיט דער „ווילנער טרופּע?““ „לאָדז. טאג“בלט“, 6 יולי, 1928.

נ. מייזיל — די ווילנער טרופּע אין וואַרשע, „ליט“בלט“, 13, 1928.

נ. מייזיל — דאָס יידישע טעאַטער אין וואַרשע, „ליט“בלט“, 14-15, 1928.

נ. מ. — צו דער אויפירונג פון שלום אַשס „קידוש־השם“ ביי דער ווילנער טרופּע, „ליט“בלט“, 18, 1928.

נ. מייזיל — א. קאַציזנע — שלום אַשס „קידוש השם“ ביי דער ווילנער טרופּע, „ליט“בלט“, 19, 1928.

נ. מ. — די הונדערטסטע פאָרשטעלונג פון שלום אַשס „קדוש השם“, „ליט“בלט“, 30, 1928.

נ. מייזיל — „די ווייבערישע קניפלעך“ ביי „די ווילנער“, „ליט“בלט“, 34, 1928.

נ. מייזיל — די נייע אויפפירונג ביי די ווילנער, „ליט“בלט“, 38, 1928.

נחמן מייזיל — פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“, ביי דער „ווילנער טרופּע“, „ליט“בלט“, 42, 1928.

„אונזער בינע“, אָרגאַן פון דער געזעלשאַפט „פריינד פון יידישן טעאַטער“, אין ווילנע, ווילנע, 4 דעצעמבער, 1928.

[—] אַן ערקלעהרונג פון דער נאַכבוש־נעמי גרופּע פון די ווילנער שוישפּילער, „פאָרוו.“, 12 אָקט., 1928.

א. גלאַנץ — די אויפפיהרונג אינ׳ס נייעם אינטימען טעאַטער פון דער „ווילנער טרופּע“, „טאָג“, נ. י. 19 אָקט. 1928.

דר. א. מוקדוני — „גערשאַנגעל“, „מאָ“זש“, 19 אָקט. 1928.

ל. פאָגעלמאַן — „גערשאַנגעל“ — אַ נייע דראַמע אין „אינטימען טעאַטער“, „פאָרוו.“, 26 אָקט. 1928.

אב. קאהאן — „פרנסה“, „פאָרוו.“, 27 דעצ. 1928.

א. גלאַנץ — גאָטעספעלדס „פרנסה“ ביי די ווילנער, „טאָג“, נ. י. 27 דעצ., 1928.

אלף־אלף — „פּרנסה“, „מאָ“זש“, 28 דעצ., 1928.

ד. קאַפּלאַן — „מאָרד“, אויפגעפירט פון דער ווילנער טרופּע, „פאָרוו.“, 8 נאָוו. 1929.

וויליאַם עדלין — „מאָרד“ געשפּילט פון דער ווילנער טרופּע, „דער טאָג“, 8 נאָוו., 1929.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פא“ש, 15 נאָוו., 1929.

דר. א. מוקדוני — צוויי איבערראַשונגען, „מאָ“זש“, 15 נאָוו., 1929.
א. לעיעלעס — אַרום טעאַטער, „די וואָך“, נ. י. 7, 1929.
וויליאַם עדלין — „גר צדק“ אינטערעסאַנטע, שטאַרקע דראַמע, געשפּילט פון ווילנער טרופּע, „טאָג“ 20 דעצ. 1929.
נ. מייזיל — „כשוף־קרייז“ אין דער ווילנער טרופּע, „ליט“בלט“, 1, 1929.
—
נ. מ. — קוואַדראַטור פון ראָד פון וו. קאַטאַיעוו ביי די „ווילנער“ אין וואַרשא, „ליט“בלט“, 7, 1929.
נ. מ.—צו דער אויפירונג פון „שיילאָק“ ביי די „ווילנער“, „ליט“בלט“, 9, 1929.
ישראל שטערן — עפּעס וועגן קינא, מאַסן און שיילאָקס אויסזען, „ליט“בלט“ 13, 1929.
אַלעקסאַנדער גראַנאַך — וועגן דער יידישער „שיילאָק“־אויפירונג, „ליט“בלט“, 15, 1929.
י. מ. ניימאַן — דאָס ערגסטע פון דער געשיכטע, „ליט“בלט“, 16, 1929.
נ. מייזיל — נ. יעווראעינאָווס „דער עיקר“ אין דער „ווילנער טרופּע“, „ליט“בלט“, 17-18, 1929.
מ. מז“אה — ס'וואָלט געווען דאָס ערגסטע! „ליט“בלט“, 17-18, 1929.
י. מ. ניימאַן — אַ קורצע תשובה, „ליט“בלט“, 19, 1929.
חיים שניאור — אָן אַ נאָמען, „ליט“בלט“, 34, 1929.
נחמן מייזיל — אהרן ציטלינס דראַמע „יידן־שטאָט“ ביי דער ווילנער טרופּע, „ליט“בלט“, 46, 1929.
[—] אַ שמועס מיט אהרן ציטלין, „ליט“בלט“, 47, 1929.
ב. ש. — ווידער אין דער ציגיינער־בויד, „נייע פאָלקסצייטונג“, וואַרשע, 8 מאַי, 1929.
[—] רעכטלאָזיגקייט און נגישות פּערטרייבען די „ווילנער טרופּע“ פון וואַרשא, „היינט“, וואַרשע, 10 מאַי, 1929.
ז. רייזען — שעקספּיר ביי די „ווילנער“ אין יידישן פאָלקס־טעאַטער, „ווילנער טאָג“ 289, 1929.
ל. קרישטאל — די ווילנער טרופּע אין גלות, „דער ווילנער“, נ. י. 1930, זז. 62-64.
דר. א. מוקדוני — די היסטאָרישע אָפּערעטע, „מאָ“זש“, 3 יאַנ., 1930.
ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פא“ש“, 3 יאַנ., 1930.
דר. א. מוקדוני — „איידעלער ספּעקטאַקל“, „מאָ“זש“, 17 יאַנ. 1930.
דר. א. מוקדוני — אַרום טעאַטער, „מאָ“זש“, 7 פעברואַר, 1930.
וויליאַם עדלין — אַ קאָמעדיע און אַ מעלאָדראַמע, „דער טאָג“, 7 פעב., 1930.
ד. קאַפּלאַן — „אַלטע בחורים“ ביי דער ווילנער טרופּע, „פאָרוו.“, 14 פעברואַר 1930.
ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פא“ש“, 14 פעב., 1930.
דר. א. מוקדוני — אין ארימקייט, „מאָ“זש“, 28 פעב., 1930.
א. לעס — אַרום טעאַטער, „די וואָך“, נ. י. 14, 1930.
מ. גרים — אַרום טעאַטער, „די וואָך“, נ. י. 19, 1930.
מ. גרים — דער „רעגנבויגן“ ביי די ווילנער, „די וואָך“, נ. י. 25, 1930.
יואל ענטין — פון דער טעאַטער־וועלט, „צוקונפט“, מערץ, 1930.
דר. מיכאל וויכערט — די שפּע פון „ווילנער טרופּעס“, „ליט“בלט“, 30, 1930.
[—] דאָס יידישע קולטור־לעבן אין רומעניען, „ליט“בלט“, 41-42, 1930.
נ. מ. — דאָס לעצטע וואָרט פון די „ווילנער“, „ליט“בלט“ 44, 1930.

ווילנער, מאַקס

געב. 18 דעצ. 1895 אין בזשאָזאָוו, גאַליציע, ביי חסידישע עלטערן. פאָטער — אַ בעל־תפלה.

געלערנט אין חדר גמרא מיט תוספות, געווען אַ משורר ביים פאָטער און אויך ביים שטאָט־חזן. אין דער היים געלערנט ביי אַ לערער יידיש, דייטש און פּויליש. אין 1908 איז וו. געפאָרן צו זיין פאָטער קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער 6 חדשים געלערנט אין פּאָבליק־סקול און דערנאָך געאַרבעט אין אַ שניידער־שאַפּ. זיינער אַ קוזין, וואָס פלעגט הויבן דעם פאָרהאַנג אין אַ וואָדעוויל־טעאַטער, פלעגט אים אָפּט מיטנעמען הינטער די קוליסן און אַזוי אַרום האָט וו. אין 1910 באַקומען די געלעגנהייט צו שפּילן די „ראָל“ פון אַ פּאָליציאַנט. פון דאַמאָלט אָן שפּילט וו. מיט „ליבהאָבער“ איבער דער פּראָווינץ.

אין 1917 רעקאָמענדירט אים זיגמונט ווײַנטרויב צו בעסי טאָמאַשעווסקי אַלס ליבהאָבער־ראָליסט און אין 1918 הויבט ער אָן שפּילן אַלס בוף־קאָמיקער. 1922-7 שפּילט וו. אין סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער, 1927-8 אין נייטשאָנאַל־טעאַטער און 1928-30 ווידער אין סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער.

וו. איז אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע.

מ. ע.

ווילנער, מאַקס, ר.

געבוירן 25 דעצעמבער 1881 אין ניו־יאָרק, אַמעריקע. פאָטער — באַזיצער פון אַ שניידער־ווערקשטאַט. געלערנט אין פּאָבליק־סקול און שפּעטער געהאַנדלט מיט הייזער און לאַנד.

צוליב דער חתונה פון זיין מוטער, רעי, מיט דוד קעסלער, געוואָרן אין 1907 אַ שותף צום מענעדזשמענט אין טאַליאַ־טעאַטער, וואו ער איז געווען 2 סעזאָנען און אין 1909 געבראַכט פון אייראָפּע די אַקטיאָרן אסתר רחל קאַמינסקאַ, מישע פישזאָן און וויערא זאַסלאַווסקאַ.

אין 1909 אויפגעבויט דאָס קעסלער סעקאָנד־עוועניו טעאַטער (ניו־יאָרק, סעקאָנד עוועניו און 2טע סטריט), וואו ער איז געווען צוזאַמען מיט קעסלערן מענעדזשער פון דער טרופּע ביז 1918. אין 1912 האָט ער צוזאַמען מיט עדעלשטיין, אַדלער און טאָמאַשעווסקי אויפגעבויט דאָס נעשאָנאַל טעאַטער (ניו־יאָרק, סעקאָנד עוועניו און האוסטאָן סטריט), וואו ער איז געווען מיט זיי מענעדזשער ביז 1914.

1918-21 — געווען, צוזאַמען מיט מאָריס שוואַרץ, מענעדזשער פון אירווינג פּלייס־טעאַטער, 1922-25 — אַליין מענעדזשער פון זעלבן טעאַטער און 1925-27 ווידער, בשותפות מיט טשאַרלי וויינבלאַט.

אין 1926 האָט וו. געעפנט דעם טעאַטער אַלס אירווינג פּלייס קונסט־טעאַטער מיט בן־עמי בראש און געבראַכט פון אייראָפּע די אַקטריסעס לידיאַ פּאָטאָצקאַ און העלען זשעלינסקאַ.

אין 1927 האָט ער דעמזעלבן טעאַטער פאַרוואַנדלט אין אַן ענגלישן בורלעסק.

גלייכצייטיק איז וו. אין 1924-29, צוזאַמען מיט מאַקס גאַביל, געווען מענעדזשער פון פּיפּלס טעאַטער און 1928-30 — אייגנטימער און, בשותּפות מיט מאַרים ליפּשיץ, מענעדזשער פון פּאָלקס-טעאַטער אין ניו-יאָרק.

מ. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II, ז. 227.

ווילענסקי, בערנאַרד

[געב. בערך 1866 — געשט. 23 אַפּריל 1922]

געבוירן בערך 1866 אין ביאַליסטאָק, פּוילן. עלטערן — סוחרים, וועלכע גיבן וו. אַ טראַדיציאָנעל-יידישע דערציאונג. זיין לערער איז געווען ש. יאַנאָווסקי. אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן און געוואָרן אַן אַקטיאָר אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער. אָבער צוליב דעם וואָס ער קען גוט לייענען און שרייבן, ווערט ער דורך אַדלערן צוגענומען פאַר אַ סופלער. נאָך זיין חתונה אין וואַרשע מיט דער אַקטריסע מערי קאַץ, וואַנדערט אויס וו. קיין אַמעריקע, וואו ער איז סופלער אין די אַנגעזעענסטע יידישע טעאַטערס, דערביי קאָרעגירט ער די פּיעסן אין פּיפּלס-טעאַטער און באַטייליקט זיך אויך אין דער רעזשי פון אייניקע פּיעסן.

וו. האָט אָנגעשריבן „מערי די שוסטערקע“ (אַ פרייע באַאַרבעטונג פון דייטשן פּאַרס „דריי פּאָר שוהע“), וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין טאַליאַ-טעאַטער מיט מערי ווילענסקי און מאַשקאָוויטש אין די הויפּטראָלן, דערנאָך אין אייראָפּע, און „די קלוגע פרוי“ (באַאַרבעטונג פון פולדאַס „צווילינגס-שוועסטערן“), וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין טאַליאַ-טעאַטער מיט מערי ווילענסקי, מאַשקאָוויטש און מאָגולעסקאָ אין די הויפּטראָלן.

יעקב גאָרדין האָט אין זיינע שריפטן געווידמעט וו. אַ ספּעציעלן אַרטיקל.

דעם 23 אַפּריל 1922 איז וו. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק.

מ. ע. פון מערי ווילענסקי.

יעקב גאָרדין — גערדאַנקען וועגן אַ סופליער [אין „אַלע שריפטען“, ניו יאָרק 1910, 4טער באַנד, זז. 172-5].

ווילענסקי, יוליאַן

[געב. בערך 1882 — געשט. בערך 1921]

געבוירן בערך 1882 אין כערסאָן, אוקראַאינע. געקומען צוזאַמען מיט הורוויצעס טרופּע אין אַמעריקע און אויפגעטראָטן אין ווינדזאָר-טעאַטער, וואו ער שפּילט נאָר אַ האַלבן סעזאָן, ארויסטרעטנדיק אויף יידיש אין די אָפּערן „אַאידאַ“, „פּאַיאַצן“ און „קאַרמען“, דערנאָך איבערגעגאַנגען צו אַגעד אין וואָדעוויל.

וו. זאָל אויך האָבן געזונגען איטאַליעניש אין ניו-יאָרקער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא-הויז, איז דערנאָך אוועק קיין סאַן-פראַנציסקאָ, וואו ער האָט געעפנט אַ מוזיק-שול און איז דאָרט געשטאָרבן בערך 1921.

וו. האָט געהאַט אַ דראַמאַטישן טענאָר.

מ. ע. פון שלום פּערלמוטער און לואיס קרעמער.

ווילענסקי, מייקל

[מיכאל]

געבוירן 18 סעפּטעמבער (א. ס.) 1880 אין פּרילוקי, פּאָלטאַווער גוב., אוקראַאינע. עלטערן—קרעמער. ביז 8 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך געאַרבעט אין אַ טאַבאַק-פאַבריק. די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט טעאַטער געשלאָסן דורך „צושטעלן“ רעקוויזיט אין אַן אוקראַאינישער טרופּע, וועלכע האָט געשפּילט אין זעלבן בנין, וואו וו.'ס פאַמיליע האָט געוואוינט.

1892 — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און דאָ געווען אַ צייטונגס-פאַרקויפער, דערנאָך אַן אַרבעטער אין אַ שעלקעס-פאַבריק, געוואָרן אַ שבתדיקער באַזוכער פון יידישן טעאַטער, גרינדעט ער צוזאַמען מיט אייב קאָגוט דעם „יאַנג סטאַר דראַמאַטיק קלאַב“, וואו ער ווערט סעקרעטאַר. ווען לעאָן מאַנדעלטאָרט פירט אויף אין קלאַב גאָלדפאַדענס „ניע בע, ניע מע“, איז וו. דער סופלער און פאַרט דערנאָך מיט מאַנדעלטאָרט איבער דער פּראָווינץ אַלס סופלער און ראָלן-שרייבער. שפּעטער ווערט וו. סטייזש-מענעדזשער ביי קעסלער, דעביוטירט אין דער ראָל פון „לאַיער“ אין קאָברינס „איסט סייד געטאָ“ און איז זייט דאַמאָלט טעטיק אַלס סטייזש-מענעדזשער און אַקטיאָר אין די אָנגעזעענסטע טרופּעס פון ניו-יאָרק.

1912-15 — איז וו. געווען סטייזש-מענעדזשער און עפּיזאָדן-ראָליסט אויף דער ענגלישער בינע. 1920 — אַ שותּף צו דער דירעקציע פון ליריק-טעאַטער, 1923 — סטייזש-מענעדזשער ביים ענגלישן אַקטיאָר וואָרפילד.

אין דעם וואַריעטע-פּעריאָד האָט וו. באַאַרבעט און אויפגעפירט סקעטשן אין די יידישע וואַריעטע-טעאַטערס.

מ. ע.

ווילענסקי, מערי

[מרים קאַץ]

געב. אַפּריל 1876 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַ שרייבער אין ראַטהויז. געלערנט אין שול, נאָר צוליב אָרימקייט פון די עלטערן מוז זי איבעררייסן די למודים און אָנהויבן אַרבעטן אין אַ פּאַפּיראָסן-פאַבריק.

ווען גאָלדפאַדען און טאַנצמאַן קומען קיין וואַרשע ווערט ה., אַן ווייסן פון די עלטערן, אַריינגענומען אין כאָר. וואַנדערט אַרום מיט דער טרופּע איבער פּוילן ביז זי קומט קיין לעמבערג אין גימפּעלס טרופּע.

אין עלטער פון 14 יאָר האָט זי חתונה מיטן סופלער בערנאַרד ווילענסקי, און ווען אַדלער קומט אין 1893 גאַסטראָלירן קיין לעמבערג, נעמט ער זי מיט קיין אַמעריקע.

דאָ טרעט זי אויף אַלס סובּרעטין, אָבער באַלד הויבט זי אָן שפּילן דראַמאַטישע, און דערנאָך כאַראַקטער-קאָמישע ראָלן.

וו. האָט די גאַנצע צייט געשפּילט אין ניו-יאָרק אין די טרופּעס פון אַדלער, קעסלער, טאָמאַשעווסקי און 1921-30 ביי גאַביל.

מ. ע.

ב. גאָרין — געש. איד. טעאַט“, II, זז. 126, 143.

ווינאָגראַדאָוו, אַנאַטאָל

[נפתלי-הערץ גליקמאַן]

געב. 2 אָקט. 1890 אין בערעזנא, וואָלינער גוב. עלטערן — סוחרים. דערצויגן געוואָרן אין קיעוו, געלערנט אין אַ רוסישער גימנאַזיע.

געפילט אַ נייגונג צו טעאַטער, און אין 1907, ניט געקוקט אויף דער שטערונג מצד די עלטערן, אָנגעהויבן שפּילן אין טעאַטער סאָלאָווצאָוו אין קיעוו, שפּעטער געענדיקט אַ דראַמאַטישע שול אין קיעוו.

סוף 1913 פאַרלאָזט רוסלאַנד צוליב פּאָליטישע סבות און געקומען אין פּאַריז. דאָ לערנט אים סעמיועל גאָלדענבורג יידיש און ער טרעט אויף צום ערשטן מאָל אונטער דער דירעקציע וואָלערשטיין און אַקסעלראַד אין אַ קליינער ראָל אין גאָרדינס „אלישע בן אבויה". ביז 1919 געשפּילט אין פּאַריז (אַ קורצע צייט אויך פּראַנצויזיש). אויפן וועג קיין אַמעריקע שפּילט ער אין 1920 אין לאָנדאָן. 1920-1 — אין „דאָס נייע יידישע טעאַטער" (שניצער) אין ניו-יאָרק. 1921-2—אָנגעהויבן שפּילן אין 14טע סטריט-טעאַטער אין ניו-יאָרק, אָבער נאָך אייניקע פאָרשטעלונגען אַרויסגעפאָרן מיט אַ טייל פון דער טרופּע קיין דעטראָיט און פאַרענדיקט דעם סעזאָן אין אירווינג-פּליים, מיט קאַליש. 1922-3 — געשפּילט אין פּראָווינץ, 1923-4, שוין אַלס מיטגליד פון דער יוניע, אין יידישן קונסט-טעאַטער, 1924-5 — האָפּקינסאָן-טעאַטער, 1926-8 אין אירווינג-פּליים-טעאַטער (צוערשט מיט זאַץ, דערנאָך מיט בן-עמי און דאַן מיט קאַליש), 1928-9 ווידער אין יידישן קונסט-טעאַטער, וואו ער אַסיסטירט גלאַגאָלינען ביי דער אויפירונג פון „אָטעלאָ", און 1929-30 אַלס הויפּט-שוישפּילער און רעזשיסער אין מאָנטרעאַל.

וו. האָט נאָך אין פּאַריז און לאָנדאָן אויפגעפירט זיינע איבערזעצונגען פון אָסטראָווסקיס „אומשולדיק-שולדיקע" אונטער פאַרשיידענע נעמען און הייערמאַנסעס „געטאָ".

אין אַמעריקע זיינען אויפגעפירט געוואָרן זיין דראַמאַטיזאַציע פון דאָסטאָיעווסקיס „אידיאָט" (מיט בן-עמי אין אירווינג פּליים) און זיין איבערזעצונג פון בערנשטיינס „איזראַעל" (מיט באַראַטאָוו (אונטער וו.'ס רעזשי) אין יידישן קונסט-טעאַטער).

מ. ע.

ווינאָגראַדאָוו, יוסף

[וויינשטיין]

געבוירן 1868 אין ווילנע, פּויליש-ליטע. פאָטער — אַן אָרעמער קירזשנער, אַ מנגן, פלעגט אָפט דאַוונען פאַרן עמוד. געלערנט אין חדר און „צוגעהאָלפן" דעם פאָטער ביים עמוד. אין עלטער פון 8 יאָר אָנגעקומען צום חזן פיינזילבער, אַ יאָר שפּעטער אין כאָר-שול ביים חזן מיכאַלאָווסקי. געלערנט פּיאַנאָ ביי אַ שכנטע, אַ פּיאַנאָ-לערערין. אַריינגענומען געוואָרן אין דער ווילנער מוזיקאַלישער שול דורך דעם געזאַנגס-לערער פון לערער-אינסטיטוט, עבאַן, און שוין אַלס קינד אויפגעטראָטן אַלס סאָליסט ביי אָרטיקע קאָנצערטן.

געענדיקט די ווילנער מוזיקאַלישע שול און עטלעכע פאַרברייטונגס-קלאַסן אין לערער-אינסטיטוט, איז ער זומער 1884 אַוועק „זוכן גליק" אין אָדעס. דאָ געוועזן אַ באַדינער ביי אַן עלטערן, פאַראַליזירטן מאַן און פּראַקטיצירט ווייטער אין מוזיקאַלישער בילדונג. בעת דער מוטאַציע פון זיין שטים געוועזן דיריגענט אין כאָר פון חזן פּיציע אַבראַם, און פון דאַנען, אויף דער איניציאַטיווע פון חזנס איידעס, דעם זינגער פון דער רוסישער אָפּערע אין מאָסקווע, באָריסאָוו, אַוועק קיין מאָסקווע, וואו ער איז אָנגעקומען אין גאָלוואַנים קאָנסערוואַטאָריע און אויך שטודירט ביי דער מוזיקלערערין דאָראַ לעאָנאָווא. הגם שוין באַקאַנט אַלס קאָנצערט-זינגער צווישן דער רוסישער אַריסטאָקראַטיע, מוז וו., צוליב וואוינרעכט, זיך אַרומוואַלגערן אין די נעכט איבער די גאַסן פון מאָסקווע. ערשט ווינטער 1887 האָט וו. אַ געלעגנהייט, צוליב דער קראַנקהייט פון אַ זינגער אין דער אָרטיקער אָפּערע, צו דעביוטירן אַלס „פערנאַנדאָ" אין דער אָפּערע „טרובאַדור", און ער באַקומט צוליב דעם אַ דערלויבניש צו בלייבן אַ האַלב יאָר אין מאָסקווע. זומער 1887 האָט וו. געזונגען קליינע פּאַרטיעס אין דער קאַזאַנער אָפּערע פון מעדוועדיעוו-קאַזאַנסקי און דערנאָך צוריקגעפאָרן קיין מאָסקווע פאָרטזעצן זיין שטודיום. דאָ איז ער אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס צווייטער באַריטאָן פאַר ליובימאָווס „רוסישע קייזערלעכע אָפּערע געזעלשאַפט", וועלכע האָט דאַמאָלט געמאַכט איר טורנעע איבער בערלין, קאָפּענהאַגען און מאַנטשעסטער. אין לאָנדאָן פאַרלאָזט דער ערשטער באַריטאָן, טאַרטאַקאָוו, די טרופּע, און וו. נעמט איבער זיינגען זיינע פּאַרטיען. דאָ ווערט ער דערנאָך אַנגאַזשירט דורך סער אויגוסטוס האַריס פאַרן ענגלישן אָפּערע-טעאַטער קאָווען גאַרדען, וואו ער זינגט 3 חדשים און שפּילט אויך שפּעטער אין פאַרשיידענע גרעסערע שטעט פון ענגלאַנד.

צוריקגעפאָרן קיין ווילנע, זינגט וו. אַ קורצע צייט אין דער דאָרטיקער אָפּערע, גאַסטראָלירט דערנאָך אין כאַרקאָוו און פאָרט אָפּ קיין מילאַן, איטאַליע, פון וואַנען ער איז נאָך אַ האַלב-יאָריקן שטודיום פאַרבעטן געוואָרן קיין אָדעס און דאָרט אויפגעטראָטן אין רובינשטיינס „דעמאָן" און „די מאַקאַבעער" אונטער דער ליטונג פון קאָמפּאָזיטאָר. שפּעטער האָט וו. 8 יאָר געזונגען אין כאַרקאָוו ביי קאַרטאַוואָוו, גאַסטראָלירנדיק אין די זומער-סעזאָנען איבער רוסלאַנד, אָדער שטודירנדיק ווייטער אין איטאַליע.

צוריקגעקומען אין לאָנדאָן, איז וו. דאָרט געשטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פון דער אָפּערע-אָפּטיילונג אין דעם יידישן „קונסט-טעמפּל", וואָס האָט זיך געעפנט אין פּאַוויליאָן טעאַטער. דאָ איז דעם 16 מערץ 1912 אויפגעפירט געוואָרן, מיט וו. אין דער טיטל-ראָל, די ערשטע אָריגינעלע יידישע אָפּערע אין דער יידישער שפּראַך — „מלך אחז" פון שמואל אַלמאַן, ליברעטאָ גענומען פון אברהם מאַפּוס ראָמאַן „אהבת ציון". שפּעטער האָט וו. דאָרט געזונגען די הויפּט-פּאַרטיען אין: „ריגאָלעטאָ" פון ווערדי, „קאַוואַלערי רוסטיקאַנאַ" (ראָל „אלפיא"), אין ערשטן אַקט פון רובינשטיינס „די מאַקאַבעער", „פויסט" פון גונאָ, „דער מאַסקען-באַל" פון ווערדי, „דער באַרבער פון סעוויל" פון ראָסיני, „מאַזעפּאַ" פון טשייקאָווסקי א. א.

נאָכן צעפאַלן פון דער טרופּע האָט וו. זיך געווידמעט צו קאָנצערטן. אין מלחמה-צייט האָט ער גאַסטראָלירט איבער פּוילן און איז דערנאָך געפאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער איז געוואָרן אַ חזן און אויך אייניקע מאָל אַרויסגעטראָטן אין יידישן טעאַטער אין ניו-יאָרק און פילאַדעלפיע אין דער טיטל-ראָל פון גאָלדפאַדענס „בר כוכבא".

1924 און 1928 איז וו. ווידער געוועזן אין פּוילן אויף אַ גרעסערן טורנעע.

מ. ע. פון אברהם אייזענבערג.

לעד פענסיל — דער אידיש־רוסישער אָפּערא זינגער ווינאָגראַדאָוו, „פּאָרוו.“ 24 סעפּטעמבער 1920.

יוסף ווינאָגראַדאָוו — [זיין לעבנס־געשיכטע אונטער פּאַרשיידענע קעפּלעך], „פּאָרוו.“ 14, 21, 22 נאָוועמבער, 5, 12, 19, 26 דעצ., 1920, 2, 16 יאַנואַר, 4 פעברואַר 1921.

א. ל—ן — יוסף ווינאָגראַדאָוו, „ליט“בלט“, וואַרשע, 28, 1924.

ווינאָוויטש, בעטי

געבוירן אין אָדעס, אוקראַאינע. פּאָטער — דיריגענט ביי גאָלדפאַדען אין אָדעס, וואו וו. שפּילט אויך קליינע ראָלן. דערנאָך האָט וו. געשפּילט אין ראָזענבערג און נפתלי גאָלדפאַדענס וואַנדער־טרופּע.

וו. איז געוועזן די ערשטע „אביגיל“ אין דער וואַרשעווער אויפפירונג פון „שולמית“.

מ. ע. פון ש. טאַבאַטשניקאָוו, ה. פוינשטיין און יוסף וויינשטאָק.

יעקב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „דיא וואַרהייט“, נ. י. 30 נאָוו. 1916, 2, 9, 30 יוני, 14 יולי 1917.

ווינטשעווסקי, מאָריס

[בנציון נאָוואַכאָוויטש]

געבוירן 9 אויגוסט 1856 אין יאַנאָווע, קאָוונער ליטע, אין אַ פרומער, אָנגעזעענער פאַמיליע. דערצויגן געוואָרן אין קאָוונע, וואוהין זיינע עלטערן האָבן זיך איבערגעטראָגן בעת ער איז אַלט געווען 7 יאָר. דאָרט געלערנט גמרא און גלייכצייטיק אויך באַזוכט די קרוינישע פאָלקס־שול. 1870 — געפאָרן קיין ווילנע זיך צוגרייטן פאַר דער ראַבינער־שול און דאָרט פלייסיק זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסט־בילדונג.

פון קינדוויוז אָן געשריבן שירים אין רוסיש, האָט ער אין אַפּריל 1873 דעביוטירט מיט אַן אַרטיקל אין העברעאישן „המגיד“ און אַ יאָר שפּעטער פאַרעפנטלעכט לידער אין דער דאָזיקער צייטשריפט. אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ געשעפט, אָפּגעפאָרן 1874 קיין אָריאָל, וואו ער באַקענט זיך מיט דער דאַמאָלטיקער ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישער ליטעראַטור אין רוסיש, און שפּעטער, באַזעצנדיק זיך אין 1877 אין קעניגסבערג, געוואָרן איינער פון די נעסטאָרן פון סאָציאַליזם ביי יידן. אין יידיש דעביוטירט מיט סאָציאַליסטישע אַרטיקלען אין ראַדקינסאָנס יידישער ביילאַגע „קול לעם“ צום העברעאישן „הקול“.

אָקטאָבער 1878 אַרעסטירט אַלס באַשולדיקטער אין דער „סאָציאַליסטיש־ניהיליסטישער פאַרשווערונג“, ווערט ער, נאָכן אָפּזיצן אייניקע חדשים אין אַרעסט, אַרויסגעשיקט פון פּרייסן, קומט אין דענעמאַרק און ווערט אויך דאָרט אַרעסטירט, דערנאָך געפאָרן קיין פּאַריז און באַזעצט זיך סוף 1879 אין לאָנדאָן, וואו ער ווערט שפּעטער דער שעפער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע און ליטעראַטור.

אין יוני 1884 האָט וו. אין לאָנדאָן געגרינדעט און רעדאַקטירט די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע צייטשריפט „דער פּוילישער אידעל“, וואָס האָט פון נומער 16 זיך משנה השם געווען אויף „צוקונפט“.

סוף 1894 געקומען אין אַמעריקע און דאָ רעדאַקטירט דאָס וואָכנבלאַט „אמת“ אין באָסטאָן, דערנאָך מיטגעאַרבעט אין „פאָרווערטס“, שפּעטער אין „די וואַרהייט“ און „צוקונפט“, פון וועלכער ער איז אין 1908 געווען רעדאַקטאָר.

וו. האָט פאַרעפנטלעכט לידער, אַרטיקלען, דראַמען, פאַבלען, עפּיגראַמען אונטער זיין אייגענעם נאָמען און אונטער די פּסעוודאָנימען: ט. ע. רעבקין, חנה באַלבעטון, יאַנקעלע טראַשקע, דער אייניקעל, זיין פּלוניתטע, דזשים פון בעטהנאַלגאַל, אַ משוגענער פילאָזאָף און אויך אונטער זיין ענגלישן נאָמען — לעאָפּאָלד בענעדיקט.

נאָך דער שפּאַלטונג אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, איז וו. אַריבער אין די קאָמוניסטישע רייען און האָט פון צייט צו צייט זיך באַטייליקט אין זייער אָרגאַן „פרייהייט“. מאַי 1924 האָט וו. באַזוכט ראַטנפאַרבאַנד, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג. 1925 — צוריקגעקומען אין אַמעריקע, און איז זייט דאַמאָלט, צוליב שוואַכן געזונט, כמעט אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון עפנטלעכער טעטיקייט.

דעם 23 יאַנואַר 1895 האָט יעקב פּ. אַדלער אויפגעפירט אין זיין טעאַטער צו גאָרדינס בענעפיס וו.'ס איבערזעצונג פון הענריק איבסענס „נאָראַ“, וואָס איז אַנאָנסירט געוואָרן אַלס „נאָראַ, אָדער, נס בתוך נס, באַאַרבעט פון גאָרדין און ווינטשעווסקי“. אין 1906 איז די פּיעסע דערשינען אין ניו־יאָרקער מייזעל־פאַרלאַג אַלס איבערזעצונג בלויז אונטער וו.'ס נאָמען. אין 1909 איז די איבערזעצונג דאָרט דערשינען אין אַ נייער, פאַרבעסערטער אויפלאַגע.

באַלד נאָך יעקב גאָרדינס טויט, אין 1909, איז דערשינען אין ניו־יאָרקער מ. מייזעל־פאַרלאַג וו.'ס בוך „אַ טאָג מיט יעקב גאָרדין — דורכגעלעבט און בעשריעבען פון מאָררים ווינטשעווסקי“.

אין 1910 איז אין מאַקס מייזעל־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, דערשינען איבסענס „דער בוימייסטער“ אין א. גאָלדווינס איבערזעצונג מיט וו.'ס אַן איינלייטונג.

אין 1911 איז דערשינען אין אַמעריקע גאָרדינס „מירעלע אפרת“ מיט אַ פאָרוואָרט פון וו., אין וועלכן ער כאַראַקטעריזירט אין ריימען די טיפן פון אייניקע גאָרדינס פּיעסן.

אין 1922 האָט וו. זיך באַטייליקט אין דער שרייבער־אויפירונג פון פּינסקיס „דער אוצר“ אין ניו־יאָרק.

אין 1920 זיינען אין „פאָרווערטס־פערלאַג“, ניו־יאָרק, דערשינען 3 בענדער פון וו.'ס שריפטן, דערפון אַנטהאַלט דער דריטער באַנד וו.'ס פאָלגענדע פּיעסן: „דער לעצטער נאַבאָר, אַ דראַמע אין דריי אקטן“, [דער סוזשעט פון דער פּיעסע איז פריער דורכן מחבר אויסגענוצט געוואָרן פאַר „אַ דראַמאַטיש געדיכט אין 2 קליינע סצענקעס“ א״נ „פאָרט ניט געכאַפּט“, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט 1885 אין לאָנדאָנער „דער פּוילישער אידעל“] מיט אַן עפּילאָג א״נ „די מחיצה“ [גענומען פון אַנאַטאָל פראַנס אַ ראָמאַן. דער עפּילאָג איז אין אויגוסט 1916 געשפּילט געוואָרן אין ניו־יאָרק], „כלומרשט אַ חתונה, אַ דראַמע אין פיער אַקטן“, „דער מזרח־ווינד, אַ קאָמעדיע אין איין אַקט“ (סוזשעט פון אַן ענגלישער סקיצע), „אַ גע'הרג'טער עדיטאָריאַל (אַ סצענע אין אַ רעדאַקציע)“, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין אַפּריל 1929 דורך דער דראַמאַטישער סעקציע פון דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע אין ניו־יאָרק (רעזשי — א. פעקער) און „מאַן און ווייב“, געשפּילט בערך 1890 אין ניו־יאָרק.

אין 1927 זיינען אין ניו־יאָרקער פאַרלאַג „פרייהייט“ דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון קלמן מרמר 10 בענדער פון וו.'ס

„געזאמעלטע ווערק“. פון זיי אנטהאלט דער דריטער באנד, א חוץ אן איבערדרוק פון וו.׳ס „דער לעצטער נאבאר“, די פאלגנדיקע פיעסען: „דער מירער עלוי, קאמעדיע אין 3 אקטן“, וואס איז אנגעשריבן געווארן סעפט. 1886 אין לאנדאן, „א חתונה און א לויה, פאנטאזיע אין צוויי בילדער“, (פארענדיקט געווארן דעם 25 נאוועמבער 1921) און „דער שטן מקטרג, א סצענע אין הימעל“, (געשריבן אין באסטאן אין סעפט. 1895, פארעפנטלעכט דעם 20 סעפטעמבער 1895 אין דארטיקן „אמת“ און אין 1921 ווידער באארבעט געווארן.) אין 6-ן באנד פון דערדאזיקער אויסגאבע איז איבערגעדרוקט דער איינאקטער „א געהרגעטער עדיטאריאל“ און אין 8טן באנד [אין א געקירצטער פארם] „א טאג מיט יעקב גארדין“.

וו. האט אין מאנוסקריפט אייניקע ניט-פארעפנטלעכטע פיעסען, דערונטער א קאמעדיע „אסתר“, וועלכע איז דורך אים געווען באשטימט פאר הענריעטע שניצער.

מ. ע. פון ה. צוקערבערג.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 977-82.

קלמן מרמר — מאריס ווינטשעווסקי, „דער האמער“, נ. י. אקט. 1926.

קלמן מרמר — מאריס ווינטשעווסקי׳ס „א גע׳הרג׳עטער עדיטאריעל“, „פרייהייט“, נ. י. 26 אפריל, 1929.

קלמן מרמר — [ארטיקלען וועגן ווינטשעווסקי] „פרייהייט“ 27 נאוו. 1928, 19 פעברואר, 14 אפריל, 5 מאי, 1929.

ווינק, גערטרוד



געבוירן 25 מאי 1904 אין סטעפין, ראוונער געגנט, וואלין. פאטער — א סטאלער. געלערנט אביסל יידיש. אין 1913 געקומען מיט דער פאמיליע אין פילאדעלפיע, אמעריקע, וואו זי לערנט אין פאבליק-סקול און שטודירט מוזיק אין קאמבס קאנסערוואטאריע און ביי פריוואטע לערער.

1924 — ארייונגעטראטן אין כאר פון פילאדעלפיער יידישן טעאטער, וואו זי שפילט אויך קינדער-ראלן און שפעטער עפיזאדן-ראלן פון דערוואקסענע. 1926 — דעביוטירט ביי יוליוס נאטאנסאן אין באלטימאר אלס „מילי“ אין „יאשקע כוואט“ און געבליבן דארט שפילן אייניקע וואכן, דערנאך געשפילט ביי מאלי קאהן אין קליוולאנד. 1928-29 — געשפילט אלס סובערטין אין ניו-יארקער האפקינסאן-טעאטער און 1929-30 — אין גליקמאנס פאלאס-טעאטער אין שיקאגא.

מ. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פנים׳ער אויף אונזער ביהנע, „מא“זש“, נ. י. 30 נאוו., 1928.

ווינער-ליכטיגער, רעגינע

געב. 25 מערץ 1900 אין לאדזש, פוילן. עלטערן — סוחרים. געלערנט אין א חדר און געענדיקט א 4 קלאסיקע שול. נאך אין שול דעקלאמירט זי און באטייליקט זיך אין די קינדער-פארשטעלונגען — רופט מען זי „די אקטריסע“.

אין 1913 טרעט וו. אויף צום ערשטן מאל אלס „חאסיע“ אין דער ליבהאבער-גרופע „דראמע און מוזיק“ און באלד דערויף ווערט זי דורכן אקטיאר פלאווער ארייונגענומען אין

דער טרופע פון גרויסן טעאטער, וואו זי שפילט צוזאמען מיט וואקסמאן, כאראז און מיכאלעסקא פארשיידענע קינדער-ראלן. דערנאך פארט זי מיט אייזיקאוויטשן איבער דער פראווינץ, שפעטער טרעט זי אריין אין אדלער-סיעראצקיס סקאלא-טעאטער, דאן אין דער פראווינץ-טרופע פון ליכטיגער, וואו זי שפילט ביז 1918, פון פוילן פארט זי קיין בודאפעסט, וואו זי שפילט 7 חדשים, פון דארט א יאר אין ווין, ווידער א יאר אין פוילן, א סעזאן אין ליטע, און זייט 1920 שפילט זי אין פאריז, און פון צייט צו צייט אין דער שווייץ און בעלגיע.

מ. ע.

וויעסיאלאיא, ליובא

[שאסקין]

געבוירן 1897 אין ניעסוויזש, מינסקער גוב., ווייס-רוסלאנד. אלס קינד פון 6 יאר אפגעפארן מיט איר פאמיליע קיין לוגאנסק, וואו זי האט געלערנט אין שול און פלעגט צוציען אויפמערקזאמקייט צו איר שיינער שטים. כדי זי צו דערווייטערן פון איר חברותא מיט קריסטלעכע מיידלעך, האט זי דער פאטער אפגעשיקט צו איר זיידען, א רב אין אוזא, וואו זי איז געווען 3 יאר און דארט געלערנט יידיש. צוריקגעקומען א היים, איז וו. אין עלטער פון 12 יאר אריינגעטראטן אין סלאוויאנסקיס כאר.

אין 1912 דעביוטירט אין מישוראטס גאסטראלירנדיקער יידישער טרופע, אין וועלכער זי ווערט אריינגענומען דורכן אקטיאר יצחק וויערניק און פון דאמאלט אן שפילט זי אין פארשיידענע יידישע און אוקראאינישע טרופעס. 1914 — איז וו. געפארן קיין בערלין שטודירן אין קאנסערוואטאריע, אבער באלד פארט זי אפ קיין אמעריקע, וואו זי שפילט די ערשטע צייט אין אוקראאינישן טעאטער מיט מעדאוו, דערנאך אויף דער ענגלישער וואדעוויל-בינע און שפעטער אין יידישן וואדעוויל אין ניו-יארקער גרענד-טעאטער. דעביוטירט אויף דער לעגיטימער יידישער בינע אין אמעריקע האט וו. אלס פרימאדאנע אין גליקמאנס פאלאס טעאטער און זייט דאמאלט שפילט זי פון צייט צו צייט אין פארשיידענע טרופעס.

ש. ע. פון משה טארלאווסקי.

וויסאצקי, אידא

געבוירן סעפטעמבער 1903 אין סלאנים, גראדנער גוב., פויליש-ליטע, אין אן ארבעטער-פאמיליע. געענדיקט א יידישע שול, 4 קלאסן רוסישע גימנאזיע און די יידישע פעדאגאגישע קורסן. אין 1920 איז וו. געווען לערערין אין א קינדער-גארטן.

וו. איז ארויסגעטראטן אויף דער בינע נאך אלס קינד אויף די שול-פארשטעלונגען, שפעטער אלס שילערין פון די פעדאגאגישע קורסן — מיט „ליבהאבער“, דערנאך זיך באטייליקט 4 יאר אין א סטודיע אין מינסק און מיטן פארוואנדלען זיך פון דער סטודיע אין „ווימ“ט“, פארבלייבט דארט וו. אין פערסאנאל.

ש. ע.

וויערניק, בתיה

געבוירן 21 מערץ 1884 אין ווילנע, פויליש-ליטע. שוועסטער פון פרץ וויערניק. אין עלטער פון 3 יאָר געקומען אין אַמעריקע. גע־ענדיקט אַ פּאָלקסשול, געלערנט עברי און חומש ביי אַ רבי. אין 1900 אָנגעהויבן שרייבן יידישע לידער א״פ שולמית און זייט דאַ־מאָלט אָפּט זיך באַטייליקט אין יידישע פּעריאָדישע צייטשריפטן.

דעם 19 דעצעמבער 1923 איז אין גרענד סטריט-טעאַטער אין ניו־יאָרק אויפגעפירט געוואָרן פאַר אַ וואוילטעטיקן צוועק א״ר פון צעזאַר גרינבערג וו.׳ס פּיעסע „לאָמיר מאַכן אַ פּשרה“.

ז. רייזען — „לעק. ייד. ליט.“, I, ז. 990.

וויערניק, יצחק

געבוירן 6 יאַנואַר 1886 אין אָדעס, אוקראַ־אינע. פאָטער — אַ קליינהענדלער. דערצויגן ביי אַ זיידען אין פּראַגע, וואַרשע. געלערנט אין חדר און רוסיש און פּויליש ביי פּריוואַט־לערער. אין 1903 אָנגעהויבן שפּילן „פּרימאַ־דאָנע“-ראָלן אין וואַרשע מיט אַן אַמאַטאָרן־גרופּע (די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן: משה זילבערקאַסטען, מנשה סקולניק, דוד קייזעראָ־וויטש, ש. ז. שידלאָווער, יאַבלאָנסקי, דוד גרינשטיין), וועלכע פלעגט אויפטרעטן אין פּריוואַט-הייזער ביי פאַרשיידענע שמחות. דער רעפּערטואַר פון דער גרופּע איז באַשטאַנען פון „קבצנזאָן און הונגערמאַן“ פון גאָלד־פאַדען און „דער טרייפּניאַק“ פון שמ״ר.

אין אָקטאָבער 1904 איז וו. אַרעסטירט געוואָרן אַלס בונדיסט און אָפּגעזעסן עלף חדשים אין אַלעקסאַנדראָווסקער פעסטונג.

אין 1906 האָט די גרופּע פאַרבעטן דעם שוישפּילער יוליוס אָסקאַר צו רעזשיסירן די פּיעסע „אוריאל אַקאָסטאַ“, וועלכע איז פאַר פּסח 1906 אויפגעפירט געוואָרן אין וואַרשעווער מוראַנאָווער טעאַ־טער. זייט דער דאָזיקער פאָרשטעלונג איז די אַמאַטאָרן-גרופּע גע־וואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלע טרופּע מיט אָסקאַרן אַלס רעזשיסער און הויפּט-אַקטיאָר.

אין 1907 איז וו. אַנגאַזשירט געוואָרן פון קאָמפּאַניע און ראַ־פּעל פאַרן מוראַנאָווער טעאַטער אין וואַרשע. אין 1909 האָט וו. געשפּילט מיט א. ר. קאַמינסקי איבער דער פּוילישער פּראָווינץ און 1910 מיט פעני וואַדיאַ עפּשטיין אין אייניקע פּוילישע שטעט, אין 1911 מיט שאַראַוונערס טרופּע איבער דער רוסישער פּראָווינץ און אין 1912 מיט מישוראַטס טרופּע איבער בעסאַראַביע.

1914 — געקומען אין אַמעריקע און געוואָרן רעזשיסער אין דעם „יונייטעד דראַמאַטיק ענד מיוזיקעל קלאָב“ און דערנאָך רעזשי־סירט אין אַנדערע אַמאַטאָרן-קלובן.

אין 1922 שפּילט וו. אין ליטמאַנס נעשאָנאַל טעאַטער אין טאָ־ראָנטאָ, קאַנאַדע, 1923 — אין סוירקוט טעאַטער אין דעטראָיט, 1926-28 — אין לאָס אַנדזשעלאָס (מיט סעם אויערבאַך און באָריס טאָמאַשעווסקי), 1929 — אין ניו-יאָרקער [ניט-יוניע] מעקינלי טעאַטער.

וו. שרייבט אויך „ליריקס“ פאַר אָפּערעטען.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער-ראָלן.

ש. ע. דורך שרה קינדמאַן.

וולאַדעק, ב.

[ברוך-נחמן טשאַרני]

געבוירן 1 יאַנואַר 1886 אין דוקאָר, ווייס־רוסלאַנד. ברודער פון ש. ניגער. געלערנט אין חדר, ישיבה און דערנאָך אַלס עקסטערן זיך גענומען צו אַלגעמיינער בילדונג. אין אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט צוגעשטאַנען צו דער ראַדיקאַל-ציוניסטישער באַוועגונג, אָבער באַלד אריבער צום „בונד“, וואו ער איז געווען באַזונדערס פּאָפּולער אַלס רעד־נער און מערערע מאָל געווען אַרעסטירט פאַר פּאָליטישער טעטיקייט. 1902 — אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין רוסיש און אין 1905 אין יידיש.

1910 — אוועק קיין אַמעריקע, וואו ער איז באַלד טעטיק געוואָרן אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. 1917 איז וו. געוויילט געוואָרן אַלס אָלדערמאַן [מיטגליד אין ניו-יאָרקער שטאָט-ראַט].

וו. איז מענעדזשער פון „פאָרווערטס“ און שרייבט פון צייט צו צייט פּאָליטישע אַרטיקלען, רעצענזיעס, פּאָעמען און פּראָזע אין „צוקונפט“, „פאָרווערטס“ און אין די אַנדערע אָרגאַנען פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

וו. האָט אין דער „טעאַטער-וועלט“ (וואַרשע) געשריבן וועגן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, האָט אין „צוקונפט“ (1920, XI) פאַרעפנטלעכט אַ היסטאָריש שפּיל אין פינף בילדער א״נ „משה רבינו“, האָט אָפט געהאַלטן רעפעראַטן וועגן יידישן טעאַטער און שרייבט אויך פון צייט צו צייט קריטיק איבער יידישע טעאַטער־אויפירונגען.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 999-1001.

וועטשטיין, דוד

[געב. 1874 — געשט. 12 נאָוועמבער 1919]

געבוירן 1874 אין קראָקע, גאַליציע. פאָ־טער — אַ שניידער. אין דער פריסטער יוגנט אָנגעהויבן שפּילן מיט „ליבהאָבער“. איינ־מאָל בעת זיין באַזוך אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער, איז פּלוצים קראַנק געוואָרן דער אַקטיאָר קאַרל זילבער, וועלכער האָט גע־שפּילט „שואַליק“ אין שמ׳רס פּיעסע „דער צווייטער המן“. וו. האָט אים פאַרטראָטן אין דער ראָל, און האָבנדיק דערפאָלג, איז ער באַלד אריינגענומען געוואָרן אין דעם טעאַ־טער. נאָכן שפּילן אונטער פאַרשיידענע דירעקציעס האָט וו. חתונה אין 1903 מיט דער אַקטריסע קלאַראַ בוקסענבוים (נעבעלעס) און פאָרט מיט איר אַרום איבער פאַרשיידענע טרופּעס אין גאַליציע און רומעניע. פון 1914 ביז 1918 האָט וו. געשפּילט אין ווין, דאַן צוריקגעקומען אין קראָקע, וואו ער שפּילט אַ קורצע צייט ביי יאַקאָב און ווערט פּאַראַליזירט.

וו. איז געווען אַ גוטער חבר און זייער איבערגעבן צו דער בינע. אַלס טאַלאַנטפולער כאַראַקטער-ראַליסט איז ער געווען אַ ליבלינג

פון פובליקום און זיין נאָמען אויפן אפיש פלעגט צוציען עולם אין טעאַטער.

וו.'ס גלאַנץ-ראָלן זיינען געווען „טוביה האביוני" אין גאָרדינס „אלישע בן אבויה" און „בן עקיבא" אין „אוריאל אקאָסטא". אָבער אין די כאַראַקטער-קאָמישע טיפּן אין דער אָפּערעטע, פלעגט וו. אָפט זיך דערלויבן צו שאַרזשירן.

דעם 12 נאָוועמבער 1919 איז וו. געשטאָרבן אין קראָקע.

מ. ע. פון קלאַראַ וועטשטיין און ש. ע. פון לעאָן הערבסט.

וועטשטיין, קלאַראַ

[געבעלעס-בוקסענבוים]

געבוירן 1875 אין לעמבערג, גאַליציע. פאָטער — אַ שניידער. אין עלטער פון 14 יאָר אריין אלס כאָריסטקע צו גימפּעל אין טעאַטער און אַ קורצע צייט דערנאָך אָנגעהויבן שפּילן ראָלן. 1900 — געשפּילט אין טשערנאָוויץ און דערנאָך מיט אברהם אַקסעלראָד איבער רומעניע, שפּעטער ביי טאַנענצאַפּ, ארומגעפאָרן מיט לאַרעסקאָ און טרייטלער איבער אונגאַרן (בודאַפּעסט) און ענגלאַנד (לאָנדאָן, גלאַזגאָו און מאַנטשעסטער) און צוריקגעקומען אין גאַליציע. 1903 — חתונה געהאַט מיט דוד וועטשטיין און צוזאַמען מיט אים געשפּילט אין גאַליציע און רומעניע. פון 1914 ביז 1918 — געשפּילט אין ווין און דערנאָך ביז 1926 אין קראָקע ביי יאַקאָב, ביי קאָמפּאַניעס און מיט אַדאָלף מעלצער.

אמפּלואַ — סוברעטין און כאַראַקטער-ראָליסטין. זייט 1926 שפּילט זי מער נישט.

ש. ע. פון לעאָן הערבסט.

וועלטמאַן, אַנעטאַ

[אננא]

געבוירן אין בוקארעסט, רומעניע. דער פאָטער איז געווען אַ ספרדישער ייד. געלערנט אין שול און אריינגעטראָטן אלס כאָריסטקע אין דער טרופּע פון יאָוועליר, מאַרגולעס, גילטמאַן און ס. פאַרקויף, וואו זי האָט אויך געשפּילט ראָלן. שפּעטער איז זי איבערגעגאַנגען אויף ראָלן אין טרייטלערס טרופּע.

מ. ע. פון מאַלווינאַ לאָבעל און ראָזאַ מאַרגולעס.

ווענדראָף, ראובן

געבוירן 1892 אין מינסק, ווייסרוסלאַנד. אָנגעהויבן די בינע-קאַריערע אין דער „הירשביין-טרופּע" און נאָכדעם געשפּילט אין ליפּאָווסקיס פאָלקס-טעאַטער. פאַר דער וועלט-מלחמה אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן און נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע צוריקגעקומען אין רוסלאַנד, וואו ער ווערט פאַרבעטן פון דער ערשטער פאַראייניקטער טרופּע ביים יידישן אַרטיסטן-פאַראיין קיין מינסק, און ווערט, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, דער אָנפירער פון דאָרטיקן יידישן קאַמער-טעאַטער. ווען די שטאָט ווערט איבערגענומען פון דער ראַטן-מאַכט, ווערט וו. באַשטימט אלס פאַרוואַלטער פון אָרטיקן יידישן דראַמאַטישן טעאַטער און איז אויפן דאָזיקן אַמט ביז מינסק ווערט באַזעצט פון פּוילישן מיליטער. וו. טרעט דאַמאָלט אריין אין ווילנער נייעם דראַמאַטישן טעאַטער (לייטונג — מאַרעווסקי), אָבער נאָך אַ קורצער צייט גייט ער איבער אין ליפּאָווסקיס טרופּע, וואו ער איז רעזשיסער. אין ווילנע איז וו. אַקטיוו אין אָרגאַניזירן אַן אָפּטיילונג פון יידישן אַרטיסטן-פאַריין אין פּוילן, זייענדיק צוערשט סעקרעטאַר און דערנאָך וויצע-פאַרזיצער פון דער אָפּטיילונג.

1921 — פאָרט אָפּ וו. מיטן ווילנער פאָלקס-טעאַטער קיין קאָוונע און אין 1922 נעמט ער דאָרט איבער, מיט נאָך אייניקע אַקטיאָרן, דאָס שטאַטישע טעאַטער, אין וועלכן ס'פאָרמירט זיך די „פאַראייניקטע טרופּע אין ליטע". ביז סוף 1923 שפּילט וו. אין קאָוונע און פאָרט דערנאָך קיין אַמעריקע, וואו ער טרעט אריין אין דער „ווילנער טרופּע", אין וועלכער ער שפּילט ביז 1930, מיט דער הפסקה פון סעזאָן 1926-27, ווען ער האָט געשפּילט אין אירווינג פּלייס-קונסט-טעאַטער (פירונג — בן-עמי).

ש. ע.

וועקסלער, יעקב

געבוירן 10 אַפּריל 1882 אין סעקורעני, בעסאַראַביע. פאָטער — אַ פרומער טאַבאַק-סוחר. געלערנט אין חדר און אַ קורצע צייט אין ישיבה. געזונגען ביי אַ חזן. אין עלטער פון 13 יאָר אויסגעוואַנדערט מיט דער פאַמיליע קיין אַמעריקע. דאָ געלערנט אין נייט-סקול און בייטאָג געאַרבעט ביי פּוטער. באַלד געוואָרן אַ „טעאַטער-פּאַטריאָט" און אַ מיטגרינדער פון „גאָלדפאַדען-פאַריין" און דערנאָך פון „דייוויד קעסלער דראַמאַטיק-פאַריין", וואו ער שפּילט אויך מיט.

1906 — אויפגעטראָטן אלס „מאיר" אין אָרזשעשקאָוואַס „מאיר יוזעפאָוויטש" מיט פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, שפּעטער ארומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ א"ד פון איוואַן אייבראַמסאָן און געשפּילט אין פילאַדעלפיע מיט פיינמאַנען. צוליב זיין אָפּזאָגן זיך אריינצוטרעטן אלס סטרייק-ברעכער אין פּיפּלס-טעאַטער, איז ער אָן פּראָבע אָנגענומען געוואָרן אין דער דאַמאָלט געגרינדעטער אַקטיאָרן-יוניע, וואו ער איז געווען מיטגליד אין 15 עקזעקוטיוועס און 1 מאָל וויצע-פּרעזידענט.

וו. האָט 8 יאָר געשפּילט אין גרענד-סטריט טעאַטער מיט אַד-

לער, דערנאָך 5 יאָר מיט טאָמאַשעווסקי אין פּיפּלס-טעאַטער, 8 יאָר מיט קעסלער, דורכשפּילנדיק דעם גאָרדין-קאָברין און ליבין-רעפּערטואַר, 3 יאָר מיט זאַץ אין אירווינג פּליים-טעאַטער, 1927-28 — ביי אַנשעל שאָר אין ליבערטי-טעאַטער און 1928-30 — אין ראָלאַנד-טעאַטער.

מ. ע.

י. פּאָול — „מזל צו פרויען“ און מזל צו טעאַטער, „פרייהייט“, 14 מערץ 1924.

וועקשטיין, בנציון

געבוירן 3 מערץ 1868 אין איליניץ, קיעווער גוב., אוקראַאינע, אין אַ חסידיש-סוחרישער פּאַמיליע. אין דער פריסטער יוגנט געדרוקט משכיליש-אפּיקורסישע אַרטיקלען אין „השחר“, „המליץ“, „יודישעם פּאָלקסבלאַט“. אין עלטער פון 17 יאָר אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן, דערנאָך קיין אַמעריקע, וואו ער איז פיל טעטיק אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. פאָרט אָפּ קיין רוסלאַנד. קומט אָבער צוריק אין 1895, איז אַ געוויסע צייט סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן און 30 יאָר אַ טוער אין דער בעקער-יוניאָן. 1911-2 — רעדאַקטירט „דער אידישער בעקער“, אַרבעט מיט אין אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבן און פאַרעפנטלעכט אין שיקאַגער „אידישע אַרבייטער-וועלט“ אַ סעריע אַרטיקלען וועגן „די דראַמע אין אַלע צייטן און ביי אַלע פעלקער“.

וו. האָט אָנגעשריבן די פּיעסן: „קרימינעלע אָפּעראַציאָן“, „אַ גנב אויס נויט“, „קרבנות פון פרייע ליבע“ און „דער קעמפער“.

ש. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, ז. 1012.

ווערבליינסקיא, יאָזעף

[זע גאָטלאָבער א. ב.]

ווערבעל, מישעל-אַדאָלף

[משה-אברהם]

[געב. 1850 — געשט. 27 אויגוסט 1902]

געבוירן 1850 אין אָדעס, אוקראַאינע. פּאָטער — דער דיכטער אליהו-מרדכי ווערבעל. זיין שוועסטער, פּאָליאַ — אברהם גאָלדפאַדענס פרוי. געענדיקט גימנאַזיע, דערנאָך געפאָרן קיין מינכען, וואו ער האָט שטודירט אין דער דאָרטיקער קונסט-אַקאַדעמיע ביי קאַלבאַך און פּילאָטי און שפּעטער געענדיקט אין ווין דעם פּאָליטעכניקום אַלס אינזשינער. צוריקגעקומען אין אָדעס האָט וו. זיך פאַרנומען מיט מאָלן בילדער (באַזונדערס צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער אָרטיקער קינסטלער-וועלט דורך זיין בילד „די יידישע חתונה“) און איז אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס קאַרטוניסט אין אַן אָרטיקער רוסישער צייטונג.

אַלס שוואָגער פון גאָלדפאַדען געקומען אין באַרירונג מיט זיין טרופּע, וואו ער האָט זיך באַקענט מיט דער אַקטריסע מאַרגאַרעטע שוואַרץ און נאָך דער חתונה מיט איר [בערך 1882], מיטגעפאָרן מיט דער טרופּע אַלס פאַרוואַלטער און צייכנער פון די דעקאָראַציעס צו די ערשטע גאָלדפאַדען-פּיעסן. [אַ רעפּראָדוקציע פון וו.'ס צייכנונג צו גאָלדפאַדענס „דער פאַרקויפטער שלאָף“ איז אָפּגעדרוקט אין „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“ זייט 296].

1888 — געקומען מיט זיין פרוי אין אַמעריקע, דערנאָך צוריקגעפאָרן קיין אָדעס, וואו ער איז דעם 27 אויגוסט 1902 געשטאָרבן.

מ. ע. פון זיין זון דר. דזשאָן מ. ווערבעל.

זאַבאָלינסקי, זעליג

[געב. . . . — געשט. 1899 (?)]

געבוירן אין סלאָנים, גראָדנער גוב., פּוילן. פאָטער — אַ היטלמאַכער. געווען אַ משורר אין שול, דערנאָך אויסגעוואַנדערט מיט זיין פאָטער קיין לאָנדאָן, דאָ געאַרבעט אַלס זייגערמאַכער, אונטערגעהאַנדלט מיט צירונג און גלייכצייטיק, אַלס גוטער זינגער, געשפּילט אין יידישן טעאַטער. געווען אין אַמעריקע און צוריקגעקומען אין לאָנדאָן, וואו ער איז געשטאָרבן אין 1899.

מ. ע. פון סאָול וואַלערשטיין און מ. ד. וואַקסמאַן.

זאַבאָלינסקי, יוסף

[געב. . . . — געשט. 1889 (?).]

געבוירן אין סלאָנים, גראָדנער גוב. פּוילן. פאָטער — אַ היטלמאַכער, וואַנדערט אויס קיין לאָנדאָן און ווערט דאָרט חזן. ברודער פון זעליג. אַלס יונגל געווען אַ משורר אין סלאָנים. אין לאָנדאָן זיך פאַרנומען מיט זילבערשמידעריי און געשפּילט אין יידישן טעאַטער. בערך 1889, פאָרנדיק אויף אַ שיף פון בראַזיליע קיין לאָנדאָן, געשטאָרבן און געקומען צו קבורה אויפן אינזל סאַן-פראַנציסקאָ

מ. ע. פון בערנאַרד פישמאַן און פערדינאַנד שטויב.

זאַבלאָצקי, משה

געבוירן 1875 אין סלאָנים, גראָדנער גוב., פּוילן, אַלס בן-יחיד פון רייכע עלטערן. ביז 17 יאָר געלערנט תלמוד און למודי-חול, שפּעטער באַזוכט אַ קאָמערץ-שול. פון צייט צו צייט געדרוקט פאַרשיידענע אַרטיקלען אין העברעאישע צייטשריפטן א"פ בן-עמרם, בן-צבי, מ. הירשנזון א. א. זייט 1904 פאַרעפנטלעכט פעליעטאָנען און הומאָרעסקעס אין דער יידישער פּרעסע, דאָס רוב א"פ מ. איקצאַלבאַז.

ז. האָט באַאַרבעט פאָלגנדיקע איינאַקטערס: „אַ גוטער רעצעפּט“, „פרייליין מאַרגאַרעטאַ“, „דאָס חנוכה-לעמפּל“ (אַ קינדער-פּיעסע), „צוקריגט“ (סצענע-מאָנאָלאָג אין 1 בילד, געדרוקט אין „ר. מאַזינס פּרעהליבעם טאַשענבוך“, לאָנדאָן, 1903), „דער יובילאַר אָן שיך“, „אַרכיטעקטאָר פּאַמפּושקין“, „די שפּאַנקע איז שולדיק“ און „דער

מאַן אויף דער פּראָבע". די אַלע איינאַקטערס זיינען געשפּילט געוואָרן דורך פיל ליבהאָבער-גרופּעס.

ז. האָט אויך פאַריידישט די דראַמען: „גיטעלע רב שעיהס" (נאָך „יאַלמאַר בערגסטרעם"), „איינזאַמע" (נאָך גערהאַרד הויפּטמאַנס „איינזאַמע מענטשן") און „דער פּאָטער" אָדער „דער וואָרם פון צוויפל" (נאָך א. סטרינדבערג) און האָט איבערזעצט „פיר זייערע" פון ג. זאַפּאָלסקאַ, „דאָקטאָר קערי" פון הענרי דזשונס און "די ערע" פון זודערמאַן, וואָס זיינען ביז איצט ניט געשפּילט געוואָרן.

ש. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I זז. 1016-7.

זאַבלודאָווסקי, נח

געבוירן 4 יולי 1859 אין ביאַליסטאָק, פּוילן, אין אַ מיוחסדיקער, סוחרישער פאַמיליע. געלערנט אין חדר, פרי זיך באַקענט מיט השכלה. זייט 1879 פאַרעפנטלעכט קאָרעספּאָנדענצעס, מאמרים און פעליעטאָנען אין „הצפירה", „המליץ" און שפּעטער אין דער יידישער פּרעסע.

אין זיינע „בלעטער פון אַ טאָגבוך" האָט ז. פאַרעפנטלעכט זיין 4-אַקטיקע קאָמעדיע „דאָס אומגעריכטע גליק". זיינע איינאַקטערס „אַ שענערע פּרנסה" [ביאַליסטאָק 1918, 24 ז. 16°], „פאַרביטערטע הערצער" [וואַרשע 1923, 29 ז. 16°] און „אַן עקספּראָפּריאַציע" [וואַרשע 1923, 33 ז. 16°] און זיין פּיעסע „איידימס דאָקטוירים", קאָמעדיע אין דריי אַקטן [ביאַליסטאָק, 1924, 64 ז. 16°] זיינען אויפגעפירט געוואָרן דורך דער דראַמאַטישער סעקציע ביים ביאַליסטאָקער פאַריין „יידישע קונסט".

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 1017-8.

זאַנגער, מאָריץ

[געב. — געשט. 12 — 1911?]

געבוירן אין קאָלאָמעאַ, גאַליציע. געשפּילט אין גאַליציע, דערנאָך אין אַרגענטינע און אין 1909 אין אַמעריקע אין דער פילאַדעלפיער טרופּע פון מייק טאָמאַשעווסקי, וואו ער איז אויך געווען סצענאַריום-פירער.

ז. האָט פאַרפאַסט אייניקע פּיעסן, וועלכע זיינען אָבער נישט אויפגעפירט געוואָרן. אין 1911 אָדער 1912 איז ז. געשטאָרבן אין אַמעריקע.

מ. ע. פון יוליוס גוטמאַן און עמיליע אַדלער.

זאַנגער, פרידאַ

[ניעמאָווע]

געבוירן 1896 אין אָדעס, אוקראַאינע, ביי פאַרמעגלעכע עלטערן. געלערנט אין זשאַבאָטינסקיס גימנאַזיע. צו 12 יאָר אָנגעהויבן שטודירן מוזיק ביי דער שפּאַנישער זינגערין אננאַ מוניץ, אין עלטער פון 15 יאָר אריינגעטראָטן אין פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע און 2 יאָר שפּעטער געלערנט אין מילאַן, איטאַליע, ביי די פּראָפעסאָרן וואַנז און קאַרדינאַלי. דעביוטירט אין מילאַן אין דער טיטלראָל פון דער אָפּערע „זאַנאַמבולאַ", דערנאָך ארומגעפאָרן איבער איטאַליע מיט קאַרדינאַליס טרופּע און שפּעטער אַרויסגעטראָטן אין רוסלאַנד אין קאַמער-קאָנצערטן.

נאָך דער רעוואָלוציע אָפּגעפאָרן קיין אַרגענטינע און אַריינגעטראָטן אין יידישן טעאַטער, דעביוטירנדיק אַלס „מירעלע" אין גאָלדפאַדענס „די כשוף-מאַכערין". דאָ האָט ז. געלערנט לייענען און שרייבן יידיש און איז פאַרבליבן אַלס פּרימאַדאָנע אין אַרגענטינער יידישן טעאַטער.

ש. ע. דורך י. מ. וואַרשאַווסקי.

זאַהיק, דוד

[געב. 1852 — געשט. 22 יוני 1917]

געבוירן 1852 אין סלאָוויטע, וואָלין, אין אַ חסידישער פאַמיליע. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-חסידישע דערציאונג, אָבער שפּעטער, אונטער דער השפעה פון דער השכלה, שטודירט אין דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול, דערנאָך געווען לערער פון העבראַאיש און רוסיש אין סטאַראָ-קאָנסטאַנטין און קעשעניעוו, וואו ער האָט געוואוינט 3-4 יאָר.

אין 1884 איז אין דער דרוקעריי פון פ. בעלכאַטאָווסקי, פּיעטראָקאָוו, דערשינען ז.'ס „די ראָזע ציווישען דערנער — איין טהעאַטער אין 4 אַקטען פערפאַסט פאָן דוד זאַהיק" [80 ז. 16°. אין רוסיש: „צענזורירט אין קיעוו 5 סענטיאַבר 1883"]. די פּיעסע איז קיינמאָל ניט אויפגעפירט געוואָרן.

לויט מ. באַסין, איז ז. געווען אַ מיטאַרבעטער פון רוסישע צייטונגען. ווען ז. האָט אין 1885, צוליב פּאָליטישע סיבות, געמוזט פאַרלאָזן רוסלאַנד, איז ער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, און זיך באַזעצט אין סינסינעטי, וואו ער איז געוואָרן אַ פעדלער פון אויגן-גלעזער און שפּעטער, צוזאַמען מיט דוד עדעלשטאַדט, דר. ה. זאָלאָטאַראָוו א. א. געגרינדעט דעם אַזוי גערופענעם „אפיקורסישן קרייז". ער איז געווען אַ הייסער נאַציאָנאַליסט, אַ חובב-ציון און דערנאָך אַ פּאָליטישער ציוניסט און גרינדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין סינסינעטי.

אין אַמעריקע האָט ז. אַדאָפּטירט דעם נאָמען דוד גרינבערג און אונטער דעם נאָמען ווי אויך אונטערן פּסעוודאָנים „בן-ישי" פאַרעפנטלעכט דערציילונגען און אַרטיקלען אין „די אידישע וועלט", אין פּיטסבורגער „פאָלקס פריינד", „מיניקעס יום-טוב-בלעטער" א. א., לידער אין „אידישעס טאַגעבלאַט" און אַרויסגעגעבן לידער און דערציילונגען אין בוך-פאָרם.

נאָך אַ פּאַראַליזירונג פון דער רעכטער האַנט, איז ז. געשטאָרבן דעם 22 יוני 1917 אין סינסינעטי.

„די ראָזע צווישען דערנער . . . שטעלט פאָר — לויט אויסלענדער — זייער אַן אינטערעסאַנטן מאָמענט אין דער אַנטוויקלונג פון דער עלטערער יידישער דראַמע, ליידער איז זיין [ז.'ס] איין און איינציק ווערק דערווייל נאָך ווייניק וועמען באַוואוסט".

י. דאָברושין איז אין דער מיינונג, אַז די פּיעסע איז נאָר אַ „כלומרשטער טעאַטער-שפּיל", זי שפּרודלט אָבער מיט שטייגער-געמעל, שטראָמט מיט עטנאָגראַפישע לעבן-פּרטים, פּליצט מיט שפּראַך און לשון.

ז רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, ז. 645.

ז. רייזען — דוד זאַהיק דער פאַרפאַסער פון דעם טעאַטער שטיק „די רויז צווישן דערנער", "אַרכיוו" זז. 8-457.

זאַלאַטאַראָוו, הלל דר.

[געב. 1865 — געשט. 30 אַפּריל 1921]

געבוירן 1865 אין יעליסאַוועטגראַד, אוקראַאינע. פאָטער — אַ שניידער, אַ משכיל, אַ מיטגליד פון יעקב גאָרדינס געזעלשאַפט „גייסטלעך ביבלישע ברודערשאַפט". באַזוכט די רעאַל-שול, אָבער זי נישט געענדיקט, ווייל אין 1881 איז די פאַמיליע אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. אונטער שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען ענדיקט ז. אין 1892 דעם מעדיצינישן פאַקולטעט פון ניו-יאָרקער אוניווערזיטעט און פראַקטיצירט דערנאָך אַלס דאָקטאָר.

ז. איז געווען זייער אַקטיוו אין דער יידישער ראַדיקאַלער באַוועגונג אין אַמעריקע; ער איז דער פּיאָנער און פירער פון די יידישע אַנאַרכיסטן, האָט געהאָלפן גרינדן יוניעס, אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן רעליגיע, געווען אַ טעטיקער מיטאַרבעטער אין „דער פאָלקס-אַדוואָקאַט" און אין דער יידיש-אַנאַרכיסטישער פּרעסע אין לאָנדאָן, שפּעטער זיך דערנענטערט צום ראַדיקאַלן ציוניזם און פאַרעפנטלעכט פיל פּובליציסטישע און בעלעטריסטישע אַרבעטן.

דעם 7 אַפּריל 1917 איז, מיט בערטאַ קאַליש אין דער הויפּטראָל, אויפגעפירט געוואָרן אין טאָמאַשעווסקיס טעאַטער אין ניו-יאָרק ז.'ס דראַמע „פאַר אירע קינדער". אין דער דאָזיקער דראַמע, אַזוי ווי אין זיין ענגלישער דראַמע „דער שטורעם פון אַ נשמה", שילדערט ז. די פּסיכאָלאָגיע פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אַמעריקע אין איר שטורם- און דראַנג-פּעריאָד און מאָלט די דאַמאָלטיקע יידישע אינטעליגענץ אין נ. י.

אין זיין דראַמע „דער לעצטער שומרוני" (באַאַרבעט אויך אַלס ליברעטאָ פאַר אַן אָפּערע, מוזיק פון באָרים לעווענזאָן) האָט ז. גענומען אַלס טעמע די מורא פאַרן יידישן אונטערגאַנג און דעם דראַנג צו קעמפן פאַר דער יידישער אויפלעבונג, אַריבערטראָגנדיק דאָס פּראָבלעם אין דער סביבה פון די שומרונים.

ז. רייזען — „לעק. ייד. ליט." I, זז. 25-1201.

י. ענטין — —דר. זאָלאָטאַראָוו'ס דראַמאַ און מאַדאַם קאַליש'ס שפּיעלען, „דיא װאַרהײט", נ. י. 11 אַפּריל 1917.

משה נאַדיר — „מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט", זז. 101-97.

נ. ב. ל. — זייער גייסט איז נאָך מיט אונז, „דער טאָג", נ. י. 23 נאָוו. 1924.

זאָלאָטאַרעפסקי, איזידאָר

[יצחק]

געבוירן [לויט רייזענס „לעקסיקאָן" — אַרום 1873, לויט דער באַהויפּטונג פון ז. — 27 דעצעמבער 1875] אין יעליסאַוועטגראַד, אוקראַאינע. פאָטער — אַ וואַטעמאַכער, שטאַרבט אין 1879 און ז. ווערט אָפּגעשיקט קיין ביעלאַ צערקאָוו, וואו ער ווערט דערצויגן ביי דער מוטערס אַ מומען. צוליב דער אַסימילאַטאָרישער סביבה ניט געלערנט קיין שום יידישע לימודים, בלויז רוסיש און דייטש. אַלס יינגל זיך געלאָזט וואַנדערן איבער רוסלאַנד, געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ ביבליאָטעק אין יעליסאַוועטגראַד, געאַרבעט אַלס צייטונגס-פאַרקויפער אויף דער כאַרקאָווער-ניקאָלאַיעווער באַן-ליניע און דערביי פּליוסיק געלייענט, באַזונדערס דראַמאַטישע ליטעראַטור.

1890 — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און אויפגעזוכט אין פאָל ריווער זיינעם אַ ברודער, אברהם, וועלכער פלעגט פון צייט צו צייט שפּילן יידיש טעאַטער מיט „ליבהאָבער". דאָ ווערט ז. אַן אַרבעטער אין אַ טעקסטיל-פאַבריק, לערנט זיך אַלס וועבער און באַטייליקט זיך גלייכצייטיק אין דער גרופּע, וואָס שפּילט מיט זיין ברודער, דעביוטירנדיק מיט „הייסע באָבקעלעך" אין גאָלדפאַדענס „קאָלדוניא". איצט נעמט ז. לערנען ענגליש און יידיש, און באַקענט זיך מיט שמ"רס און טאַנענבוימס ראָמאַנען. שפּעטער איז ז. געווען אַ פּעדלער, אַ שטיוול-פּוצער, אַ צייטונגס-פאַרקויפער, אַן אַגענט, באַטייליגנדיק זיך גלייכצייטיק אין יידישע ליבהאָבער-פאָרשטעלונגען אין פּראָווידענס, פאָל ריווער, באָסטאָן און ניו-הייווען.

1893 — אָנגעהויבן שפּילן פּראָפעסיאָנעל (אַלס „שמעון" אין לאַטיינערס „יוסף מיט די ברידער"), מיט דער אַקטיאָרן-פאַמיליע לעווענווירט, איז באַלד אַריבער קיין פילאַדעלפיע צו פעלדמאַן, דערנאָך געשפּילט מיט סעמועל טאַרנבערג אין אַ האָל אין בראָנזוויל, ניו יאָרק, און שפּעטער אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ און געוואָרן דירעקטאָר פון אַ קליינער טרופּע אין ניו-ענגלאַנד סטעיטס.

צוליב מאַנגעל אין רעפּערטואַר, פלעגט ז. אָפט איבערזעצן טעאַטער-לידער פון ענגליש אין יידיש און פון יידיש אין ענגליש און פלעגט זיי זינגען אויף קאָנצערטן. אַ סך פון די דאָזיקע לידער זיינען אין 1897 דערשינען אין אַ באַזונדער ביכל אין מאָנטרעאַל.

אין 1895 האָט ז. איבערזעצט די ענגלישע פּיעסע „מענקיינד" [מענטשהייט] און אויפגעפירט מיט „ליבהאָבער". אין זעלבן יאָר שרייבט ער אָן זיין ערשטע פּיעסע „דער פּראָפעסער, אַ דראַמע אין 4 אַקטן", וועלכע ער פירט אויף [מיט שרה קאַצמאַן, סאָניאַ נאַדאָלסקאַ, אַדאָלף אַבראַמאָוו, משה זילבערשטיין, לואי קופערשמידט, דער מחבר א. א.] אין גערמאַניאַ אַנסעמבלי רומס, ניו יאָרק (בויערי צווישן האוסטאָן און 1-טע סטריט). די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן 5 מאָל. באַלד דערנאָך פירט ער אויף אין נוּאַרק [מיט בערך די זעלבע אנטיילנעמער] זיין פּיעסע „משיח, אָדער, דער נביא השקר, היסטאָרישע דראַמע פון די יידן אין רוים", וועלכע האָט, צוליב איר סוזשעט, אַרויסגערופן פּראָטעסטן מצד דעם פּובליקום און איז מער ווי איין מאָל ניט געשפּילט געוואָרן. קיין שום טרופּע האָט דערנאָך ניט געוואָלט ריזיקירן אין קיין אָרט און נעמען אויף זיך די אחריות אויפצופירן די פּיעסע.

נאָכן וואַנדערן אַ קורצע צייט איבער דער פּראָווינץ פירט ער אויך אויף מיט „ליבהאָבער" אין מאָנטרעאַל גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר" [שפּילנדיק די ראָל „דוד משהלעס"] און ברענגט דערנאָך אין מאָנומענט נעשאָנאַל טעאַטער איניקע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, מיט וועלכע עס ווערט דאָרט (אין 1895) געלייגט דער יסוד פאַר אַ סטאַביל יידיש טעאַטער. אין 1896 קומט ז. אין באַלטימאָר, וואו ער שפּילט, אַלס קאָמיקער, אַ סעזאָן ביי לאַרגמאַן און 1897 אין מאָרים פינקעלס און מאָגולעסקאָס טרופּע אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט טעאַטער.

אויסנוצנדיק די אַקטועלקייט פון דער שפּאַניש-אַמעריקאַנער מלחמה, שרייבט אָן ז. אַ פּיעסע „דער יידישער וואָלענטיר", וואָס ווערט דאָ באַלד געשפּילט. אין זעלבן יאָר [1897] שרייבט ער אויך זיין מעלאָדראַמע „דער יידישער האַמלעט", וואָס ווערט אין איין און דעם זעלבן אָוונט אויפגעפירט אין פילאַדעלפיע [מיט מאַקס ראָזענטאַל אַלס „אביגדורל"] און אין ניו-יאָרק אין ווינדזאָר-טעאַטער, וואו ז. איז אַריינגעטראָטן אַלס אַקטיאָר. דאָ ווערט די פּיעסע אויפגעפירט דורך טאָמאַשעווסקי א"נ „די שוואַר-

צע חופּה, אָדער דער יידישער מאַרטירער, מוזיק פון פרידזעל" מיט פאָלגענדיקן פּערסאָנאַל:

„טודרוס" — לעאָן בלאַנק
„דבורה" — עני מאַנע
„אביגדורל" — באָרים טאָמאַשעווסקי
אסתרל" — בעלאַ גודינסקאַ
„צינעלע" — סאָפיא קאַרפּ
„פּיצע שמש" — לעאָן גאָלד
„בצלאל" — בערל בערנשטיין
„שלום דין" — סאָלאָמאָן מאַנע
„ניסל" — לייזער גאָלדשטיין.
„ביינושעל" — בעסי טאָמאַשעווסקי
„חנהלע" — סאַבינאַ וויינבלאַט
„חיים שענקער" — וויליאַם קאָנראַד.

אין דידאָזיקע פאָרשטעלונגען האָט זיך באַטייליקט דער מחבר אין אַ ראָל „יאַנקעל חזן", וואָס ער האָט ספּעציעל צוגעשריבן פאַר זיך. די ראָל איז שפּעטער דורך קיינעם מער ניט געשפּילט געוואָרן.

וועגן דער אויפירונג פון דער דאָזיקער פּיעסע דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע מעמואַרן: „מיר פירן אויף דאָס מייסטערווערק, אָט אַבי צו דערענדיקן דעם סיזאָן, אָבער די פּיעסע מאַכט אַ ריזיקן בייפאַל, דער עולם יאָגט זיך נאָך טיקעטס [בילעטן] און די קאַסע ווערט פול מיט דאָלאַרס. עס איז נאָר געווען אַ שאָד וואָס עס איז אָנגעקומען דער זומער און מען האָט געמוזט סטאָפּן [אויפהערן] שפּילן".

וועגן דער פּיעסע שרייבט ב. גאָרין: „מיט יאָרן שפּעטער האָט זאָלאָטאַרעווסקי פון דאַנען [גאָלדפאַדענס „די שטומע כלה"] ארויסגענומען די גאַנצע סצענע מיטן רבי און גבאי און מיט אַלע וויצן פאַר זיין „ישיבה בחור".

די פּיעסע, וואָס איז שפּעטער געוואָרן פּאָפּולער א"נ „דער ישיבה־בחור", איז אין זומער 1907 געבראַכט געוואָרן אין אייראָפּע דורך יוליוס אַדלער, וועלכער האָט זי דאָרט אויפגעפירט און זייט דאַמאָלט איז זי דאָרט פאַרבליבן אין רעפּערטואַר.

אין 1912 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אַלס פילם דורך דער ריגער געזעלשאַפט ברידער פּאַטע.

אין 1914 איז די פּיעסע, אָן וויסן פון מחבר, דערשינען אין וואַרשע: „דער ישיבה בחור" (אָדער דער יודישער האַמלעט) אַ פּיעסע אין 4 אַקטען און 6 בילדער פון „זלאָטאַרעווסקי"."

אין 1897 איז אין ווינדזאָר־טעאַטער צו פרידזעלס בענעפיס אויפגעפירט געוואָרן ז.'ס „דער יידישער מוזשיק, אָדער, די דאָרפסיידן, לעבנסבילד, מוזיק פון פרידזעל".

1898־99 — איז ז. אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס דראַמאַטורג און אַקטיאָר אין ניו־יאָרקער טאַליאַ טעאַטער. דאָ איז אין דעם סעזאָן אויפגעפירט געוואָרן זיין „אברהמלע מנגן, אַ מוזיקאַלישע מעלאָדראַמע, מוזיק פון י. ברווידי" מיט קעסלער, פיינמאַן, קאַליש, מאָגולעסקאָ, בינע און מענדל אַבראַמאָוויטש, מאָרים מאָשקאָוויטש, היימאַן מייזעל, פייוועלע פרידמאַן, און זיין מעלאָדראַמע „די יידישע זאַזא" (מיט בערטאַ קאַליש).

1899־1900 — האָט ז. געשפּילט איבער דער פּראָווינץ און אויפגעפירט אין פילאַדעלפיער קאָלאָמביאַ־טעאַטער זיין פּיעסע „די מאַמע" (מיט בעלאַ גודינסקאַ אין דער טיטל־ראָל), וואָס איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן אין ניו־יאָרקער טאַליאַ־טעאַטער. אין זעלבן סעזאָן איז אין ניו־יאָרקער טאַליאַ טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן זיין איבערזעצונג פון אַן ענגלישער דראַמאַטיזאַציע „אָנקל טאָמס קעבין" נאָך ביטשער סטאָו, אין ניו־יאָרקער פּיפּלס־טעאַטער — זיין פּיעסע „דער כל בוניק, אָדער, די יידן אין כמעלניצקים צייטן, מוזיק פון ז. מאָגולעסקאָ" (די פּיעסע איז דאָ געשפּילט געוואָרן אַ האַלבן סעזאָן און איז גלייכצייטיק אויך געשפּילט געוואָרן אין פילאַדעלפיער קאָלאָמביאַ־טעאַטער), און צו זיין בענעפיס אין טאַליאַ־טעאַטער, אויפגעפירט דורך יעקב קאָן, די פּיעסע „דער למד ווניק", וואָס איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן אויף דער פּראָווינץ.

1900־1901 — איז ז. אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס אַקטיאָר אין טאַליאַ־טעאַטער, וואו עס זיינען אויפגעפירט געוואָרן זיינע איבערזעצונגען: „די בעלס, אָדער, די ערמאָרדונג פון אַ פּוילישן ייד" [די פּיעסע איז אין 1916 אויפגעפירט געוואָרן דורך מ. ד. וואַקסמאַן אין פּוילן. לויט יעקב מעסטעל איז די פּיעסע, אין אַן אַנדער איבערזעצונג, א"נ „דער פּוילישער ייד", געשפּילט געוואָרן אין גימפּלס טעאַטער, לעמבערג, אַרום 1907/8], „לואי דער עלפטער" פון שעראַדען (אויפגעפירט דורך קעסלער צו זיין בענעפיס), די אָפּערעטע „לאַ מאַסקאָט" א"נ „דאָס גליקס־קינד, אָדער, דאָס שרעטעלע" און „שמשון הגבור" (לויט סאַלוויניס ווערסיע), און ז.'ס פּיעסע „דער כלי זמר, מוזיק פון י. ברווידי" (מיט קעסלער), וועלכע איז שפּעטער, מיט אייניקע ענדערונגען, געשפּילט געוואָרן אויף דער פּראָווינץ א"נ „דער גרינער מוזיקאַנט". אין זעלבן סעזאָן איז דורך ז. פיינמאַן אויפגעפירט געוואָרן אין פילאַדעלפיע ז.'ס פּיעסע „שבת קודש, אָדער, רפאל דע מענדאָזאַ".

פאַרן סעזאָן 1901־1902 איז ז. אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס אַקטיאָר אין גרענד־טעאַטער. אין יענער צייט איז אויפגעפירט געוואָרן ז.'ס פּיעסע „די יידישע אַננאַ קאַרענינאַ" (אין ווינדזאָר־טעאַטער, מיט מערי עפּשטיין אין דער טיטל־ראָל), וועלכע איז דערנאָך געשפּילט געוואָרן איבער דער פּראָווינץ א"נ „דער פּעינטער", און איז, אָן וויסן פון מחבר, דערשינען אין 1909 אין לעמבערג. אין גרענד־טעאַטער זיינען יענעם סעזאָן געשפּילט געוואָרן ז.'ס דראַמאַטיזאַציע פון טאָלסטאָיס „תחית המתים" א"נ „רעזורעקשאָן" (מיט קעני ליפּצין אַלס „קאַטיושאַ מאַסלאָוואַ") און זיין פּיעסע „דער אמת, ראָמאַנטישע טראַגעדיע, מוזיק פון פרידזעל" (מיט סאָפיא קאַרפּ), און אין פּיפּלס־טעאַטער: זיין פּיעסע „די משומדת" (מיט בעלאַ גודינסקאַ, יעקב פּ. אַדלער, מאַלווינאַ לאָבעל און מאַקס ראָזענטאַל) און זיינע דראַמאַטיזאַציעס פון דיומאַס ראָמאַן „גראַף מאָנטאַ קריסטאָ" (מיט מאַקס ראָזענטאַל אין דער טיטל־ראָל) און פון ענגלישן ראָמאַן „ווענדעטאַ" פון מאַריאַ קאָרעלי א"נ „פאַבי ראָמאַנאַ" (מיט מאַקס ראָזענטאַל אין דער טיטל־ראָל).

1902־1093 — האָט ז. ווידער געשפּילט אין גרענד־טעאַטער און ס'זיינען אויפגעפירט געוואָרן: אין פּיפּלס טעאַטער — „דער מאָדערנער קין און הבל" (מיט טאָמאַשעווסקי און מאַקס ראָזענטאַל אין די טיטל־ראָלן), וועלכע איז אויך געשפּילט געוואָרן אין אייראָפּע, „דער חרם אין בית־המקדש, היסטאָרישע אָפּערעטע, מוזיק פון י. בעלזער" און „דער בית־המקדש אונטער דער ערד, אָדער, די יידישע שטראַסענזינגערין, מוזיק פון פרידזעל" [פרייע באַאַרבעטונג פון וויקטאָר הוגאָס ראָמאַן „די גלאָקנציער פון נאָטרדאַם"]; אין ווינדזאָר־טעאַטער: „דער בדחן" (מיט קעסלער און טאָביאַס), און אין טאַליאַ־טעאַטער: „אַדעלאַ" (מיט קעסלער און קאַליש).

1903־1904 — איז ז. אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ און אויפגעפירט אין נואַרק זיין פּיעסע „דער 20־טער יאָרהונדערט, אָדער, חורבן קעשעניעוו" (מיט געביל און טאָביאַס), אין באָסטאָן — „אַמעריקאַנער גליקן" (מיט זילבערט), וועלכע איז שפּעטער אויך געשפּילט געוואָרן אין ניו־יאָרקער פּיפּלס־טעאַטער א"נ „פּאַריזער באָרדערס", „די בלינדע" (מיט סאַבינאַ לאַקסער אין דער טיטל־ראָל) און „דער בעל־צדקה" (מיט זילבערט). אין זעלבן סעזאָן זיי-

נען אויך אין ניו־יאָרקער גרענד־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך אַדלערן ז.׳ס פיעסען „דער גאָלדענער לייטער“ און „דער שטורם אין דער פאַמיליע“.

1904-05 — האָט ז. געשפּילט אין שיקאַגאָ, וואו ער האָט אויפגעפירט זיין איבערזעצונג פון טשיריקאָווס „יידן“ און זיין אייגענע פיעסע „די רעוואָלוציאָן אין רוסלאַנד“.

1905-06 איז ז. ווידער אין באָסטאָן, וואו ער פירט אויף זיין פיעסע „ר׳ אבאלע אשכנזי“ (מיט זילבערט). די פיעסע איז אין 1909 דערשינען אין לעמבערג אָן וויסן פון מחבר און איז זייער אָפט געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע, באַזונדערס אין גאַליציע. כמעט דעם גאַנצן סעזאָן 1904-5 איז אין ניו־יאָרקער ווינדזאָר־טעאַטער געשפּילט געוואָרן ז.׳ס פיעסע „די שטילע חתונה“ (מיט יאָוועליר, פּראַגער און סעם קעסטין). בערך דעם זעלבן סעזאָן זיינען אין ניו־יאָרקער קאַסינאָ טעאַטער, מיט ראָזא גרינפעלד און סעמועל גרינבערג, געשפּילט געוואָרן „די מאָדעל“ און „דער אַרבעטער“.

1906-07 — האָט ז. מיט לעוויטאַן אָנגעפירט די דירעקציע פון דער טרופּע אין באָסטאָנער גרענד־אָפּערע הויז און אין דער סביבה. אין יענעם סעזאָן איז אין ניו־יאָרקער ליריק טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ז.׳ס פיעסע „דער מאַמעס מאַן“ (מיט טשאַרלי נאַטאַנסאָן און פּרוי), וועלכע איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ און אויך זייער אָפט אין אייראָפּע (דורך גלימער און פּרוי) א״נ „די אייזערנע פּרוי“. אין ווינדזאָר־טעאַטער זיינען אויפגעפירט געוואָרן „דער גר“ (מיט פערנאַנדאָ איילעסקאָ, יאָוועליר און בלאַנק) און „די נקמה פון אַ פּרוי“ (מיט איילעסקאָ). ביידע פיעסען זיינען אויך געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע. צוליב זיין פרוים קראַנקהייט האָט ז. איבערגעריסן זיין שפּילן אין באָסטאָן און צונויפגעשטעלט אַ טרופּע, מיט וועלכער ער האָט געשפּילט אין שיקאַגער מעטראָפּאָליטאַן טעאַטער. דאָרט איז אויך געשפּילט געוואָרן זיין פיעסע „די גרינע מאַמע“ (מיט מאָרים שוואַרץ, פינקעלשטיין, גערטנער און דוד שענהאָלץ).

בערך דעם סעזאָן איז אין קלינטאָן־טעאַטער (מיט מעי סיימאָן) אויפגעפירט געוואָרן „די דרעסמייקערין“.

1907-08 — האָט ז. געשפּילט אין שיקאַגאָ, צום טייל וואָדעוויל און צום טייל אין לעגיטימען טעאַטער. דאָ זיינען אויפגעפירט געוואָרן זיינע פיעסען „דער קרבן“ (מיט לאַוויץ, יאָזעף שענגאָלד, א. א.), וואָס איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן א״נ „דער וואָלף און דאָס שעפעלע“, און די מעלאָדראַמע „עלים איילאַנד“ (מיט גערמאַן און גערשטענזאַנג).

1908-09 — האָט ז. געשפּילט מיט די זילבערטס אין אַגעדס קלינטאָן־טעאַטער אין ניו־יאָרק. אין ליפּצין טעאַטער איז אין יענעם סעזאָן מיט גרויסן דערפאָלג אויפגעפירט געוואָרן זיין מעלאָדראַמע „די ווייסע שקלאַפין“ מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„אליהו צייטלין“ — מאָרים מאָשקאָוויטש

„חוה“ — קעני ליפּצין

„פּיאַווקין“ — היימאַן מייזעל

„אבא“ — יעקב קאַצמאַן

„באָבע“ — מערי עפּשטיין

„ענקע“ — נעטי טאָביאַס

„דזשענקע“ — ראָזעטאַ קאָן

„דאָקטאָר“ — יעקב קאָן.

אין 1910 איז דערשינען „דיא ערצעהלונג פון דער בעריהמטער דראַמא דיא ווייסע שקלאַווין פון א. זאָלאָטאַרעווסקי“ [21 זז.], וואָס האָט אַנטהאַלטן דעם אינהאַלט פון דער פיעסע מיט אַ פּאָר־

וואָרט. ווי דער מחבר גיט איבער, איז אין יענער צייט אויך דערשינען אַן ענלעכע בראָשור אין ענגליש.

די פיעסע איז אין 1911 דורך מאָשקאָוויטש געשפּילט געוואָרן אין אייראָפּע און איז זייט דאַמאָלט פאַרבליבן אין דאָרטיקן רעפּערטואַר.

אין 1926 איז די פיעסע דערשינען אין וואַרשע אַלס „פּראָפעסאָר יאַקאָבי“ס און א״נ „די ווייסע שקלאַפען, דראַמא אין פיער אַקטען“ [48 ז. °16].

אין זעלבן סעזאָן (1908-1909) איז אין ליפּצין טעאַטער אויך אויפגעפירט געוואָרן ז.׳ס פיעסע „די זינדערין“ (מיט מאָשקאָוויטש און ליפּצין), אין פּיפּלס־טעאַטער, דורך טאָמאַשעווסקי, זיין פיעסע „דאָס צווייטע ווייב“, וואָס איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן אין אייראָפּע, און איז אין 1928 דערשינען אַנאָנים אין וואַרשע א״נ „די שטיפמוטער, אַ דראַמע אין 3 אַקטען“, [52 ז. °16] און אין טאַליאַ טעאַטער, דורך קעסלערן, זיין פיעסע „חברים“.

1909-10 — איז ז. אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס דראַמאַטורג אין ליפּצין־טעאַטער, וואו ס׳זיינען אויפגעפירט געוואָרן זיינע פיעסען: „קאָרטן“, „קינדער, אָדער, פאַר די עלטערענס זינד“, שפּעטער גערופן „געדעמעדזשטע קינדער“ און „די עגונה“ (אַלע מיט ליפּצין און מאָשקאָוויטש) און אין טאַליאַ־טעאַטער — „די מאָדערנע פּרוי“ (מיט סערא און יעקב פּ. אַדלער).

1910-11 — איז ז. אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס דראַמאַטורג אין קעסלער־טעאַטער, וואו ס׳איז געשפּילט געוואָרן זיין פיעסע „אויף דער עלטער“ (מיט קעסלער, לאָבעל און בערל בערנשטיין). אין זעלבן סעזאָן זיינען אין עלדרידזש סטריט־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן זיינע פיעסען: „געלט, ליבע און שאַנדע“ (מיט איידא דוואָרקין, לואי באָקשיצקי און מייק ווילענסקי), וואָס איז אין מלחמה־צייט זייער אָפט געשפּילט געוואָרן אין פּוילן און איז, אָן וויסן פון מחבר, דערשינען אין 1923 אין וואַרשע [58 ז. °16], און „די אומגליקלעכע“. אין דריטן סטריט־טעאַטער זיינען אין יענעם סעזאָן אויפגעפירט געוואָרן זיינע פיעסען: „עוויגע ליבע“ (מיט געביל), „פאַרקויפטע ליבע“ [וואָס איז פריער געשפּילט געוואָרן אין שיקאַגאָ א״נ „דער מלאך המות“] (מיט סאַמואילאָוו און איידאַ גאָלדשטיין) און „ליידענשאַפט“ (מיט נייטאַן און ראָזע גאָלדבערג). די פיעסע איז אַ יאָר שפּעטער געשפּילט געוואָרן אין פילאַדעלפיע א״נ „לוקסוס“, אין ליפּצין־טעאַטער: „ערלעך באַצאָלט“ (מיט ליפּצין). זומער־צייט האָט ז. בשותפות מיט ליזע זילבערט און מאָרים קראָנער, אָנגעפירט מיטן דריטן סטריט־טעאַטער, וואו ס׳איז אויפגעפירט געוואָרן זיין פיעסע „זיי ערלעך“, וואָס איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן אין פּיפּלס־טעאַטער דורך בעסי טאָמאַשעווסקי א״נ „סוזי ברען“.

1911-12 — האָט ז. אויפגעפירט אין מיינאָרס־טעאַטער זיין פיעסע „דיימאָנדס“ (מיט יעקב פרענק, גוסטאַוו שאַכט און סאַבינאַ לאַקסער). אין נעשאָנעל־טעאַטער האָט טאָמאַשעווסקי אויפגעפירט ז.׳ס „דער איינציקער זון“ און די אָפּערעטע „די יידישע פאָן“, [מוזיק פון פּערלמוטער און וואָל], וואָס איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן אויף דער פּראָווינץ א״נ „בן־ישראל“.

1912-13 — האָט ז. זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע. אין 5 עוועניו־טעאַטער זיינען דאַמאָלט אויפגעפירט געוואָרן זיינע פיעסען: „די יידישע 400, מוזיק. מעלאָדראַמע, מוזיק פון פרידזעל און בראָדי“ (מיט קלאַרא ראַפאַלא און עני מעלצער) און „האָם סוויט האָם, מעלאָדראַמע“, אין אָדעאָן טעאַטער: „בת ציון, מוזיקאַל. מעלאָדראַמע, מוזיק פון שאַפּיראָ“ (מיט פּראַגער אין דער טיטל־ראָל), אין ליריק: „די סעילים לידי“ (מיט מאַלווינע לאָבעל, חנה אַפּעל, איידא פיין. רעזשי — מחבר) און אויפן רוף־גאַרדן פון סע־

קאַנד עוועניו-טעאַטער : „ברידער“ (מיט סעם שנייער, שוואַרץ און קעסטין) און „ליידיס פוירסט, מוזיק. מעלאָדראַמע“ [ביידע מוזיק — י. רומשינסקי].

1913-14 — איז אין פילאַדעלפיע אויפגעפירט געוואָרן ז.׳ס מעלאָדראַמע „לעבעדיקע יתומים“, וואָס איז באַלד דערנאָך געשפּילט געוואָרן 25 וואָכן אין ניו-יאָרקער פּיפּלס-טעאַטער (מיט אַדלער און לואי בירנבוים).

1914-15 — איז אין פּיפּלס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ז.׳ס מעלאָדראַמע „דער פּרייז פון ליבע“ (מיט מאַקס ראָזענטאַל און בעסי טאָמאַשעווסקי), וואָס איז גלייכצייטיק געשפּילט געוואָרן דורך אַדלערן אין פילאַדעלפיע, אין לענאָקס-טעאַטער : „דאָס גאָלדענע שטייגעלע“ (מיט נייטאַן און ראָזע גאָלדבערג). אין איין צייט זיינען אין ליריק-, לענאָקס- און ליבערטי-טעאַטער געשפּילט געוואָרן „דער אַמעריקאַנער פּריזיוו“, און אין סעקאָנד עוועניו-טעאַטער : די מעלאָדראַמע „דאָס רויטע ליכט“ (מיט ליפּצין, יעקב קאָן, בינע אַבראַמאָוויטש און יאָוועליר).

1915-16 — האָט טאָמאַשעווסקי אויפגעפירט אין נעשאָנאַל-טעאַטער ז.׳ס מעלאָדראַמע „דעם טייפלס מאַכט“, וואָס איז גלייכצייטיק געשפּילט געוואָרן אין ליבערטי־טעאַטער (מיט יאָוועליר און בינע אַבראַמאָוויטש), אין לענאָקס (מיט נייטאַן און ראָזע גאָלדבערג), אין ליריק (מיט לאָנפעלד) ווי אויך אין פילאַדעלפיע (מיט אַדלער). אויך זיין מעלאָדראַמע „מלחמה-כלות“ איז גלייכצייטיק געשפּילט געוואָרן אין ליבערטי (דורך יאָוועליר, בינאַ אַבראַמאָוויטש און ראָזאַ קאַרפּ), אין ליריק, אין לענאָקס (דורך גאָלדבערג) און אין פילאַדעלפיע (דורך אַדלער). אין זעלבן סעזאָן איז אין סעקאָנד עוועניו-טעאַטער געשפּילט געוואָרן זיין „ליבע און לעבן, אָדער, דער פּרייז פון זינד“ (מיט קעסלער, שוואַרץ און בערל בערנשטיין), אויפן רוף-גאַרדן פון נעשאָנאַל טעאַטער : „זומער ביים ים, מוזיק. פּיעסע“, און „אין דעם הויז וואו מען וויינט און מען לאַכט“ (ביידע מוזיק — פון פּרידזעל) און אויפן רוף-גאַרדען פון נעשאָנאַל טעאַטער ז.׳ס קאָמעדיע „אוי, איר מענער“.

1916-17 — זיינען אויפגעפירט געוואָרן : „יתומים פון דער וועלט“ אין ליבערטי טעאַטער (מיט יאָזעף שענגאָלד), „אַ מיידל אָן אַ האַרץ“ און „אַ מיידלס גוטער נאָמען“ אין געביל טעאַטער (מיט געביל), „דער גאָווערנאָר“ אין ליריק טעאַטער און „זיסע חלומות“ אין ליבערטי טעאַטער (מיט מאָשקאָוויטש), וועלכע איז אויך געשפּילט געוואָרן אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער 5 מאָל מיט קעסלערן און אַ יאָר שפּעטער אין זעלבן טעאַטער 25 וואָכן מיט אַדלערן.

1917-18 — זיינען אויפגעפירט געוואָרן : „דאָס רעכט צו לעבן“ אין סעקאָנד עוועניו (מיט אַדלער און זיין טאָכטער סטעלאַ) אין פילאַדעלפיע — „וועדינג־רינג“, „ווי אַ מאַן ליבט“ און „מוטער ליבע“ (אַלע מיט. גאָלדענבורג — מוזיק פון סאַנדלער) און „ליבע און פליכט“, וואָס איז אויך געשפּילט געוואָרן אין ניו-יאָרקער פּיפּעלס טעאַטער (מוזיק פון פּרידזעל).

1918-19 — זיינען געשפּילט געוואָרן : „קינדער קומט אַ היים, מוזיק פון וואָהל“ (אין נעשאָנאַל טעאַטער, אויפגעפירט און געשפּילט פון טאָמאַשעווסקי, און אין פילאַדעלפיע און פּראָווינץ, אויפגעפירט פון אַנשעל שאָר, מיט מוזיק פון סאַנדלער), „דער קעניג פון ליבע“ (אין נעשאָנאַל מיט גאָלדענבורג) און „בלינדע ליבע“ (אין פּיפּעלס טעאַטער מיט לאָבעל און ראָזענשטיין).

1919-20 — „געזעץ פון דער נאַטור“ (אין דעצעמבער 1919 אין פּיפּעלס טעאַטער, אויפגעפירט דורך מאַקס ראָזענטאַל, מוזיק — פּרידזעל, געשפּילט דורך ראָזענטאַל, לאָבעל, גראַף, גאָלדע לובריצקי א. א.), „דאָס לאַנד פון טרערן — אַ צייט־בילד“ (געשפּילט

געוואָרן 20 וואָכן אין פּיפּעלס-טעאַטער מיט ראָזענטאַל, גראַף, נעטי טאָביאַס א. א.). און אין מאַי 1920 אין ליריק טעאַטער, א״ר פון מחבר, „דאָס רייכע יתומהלע“ (מיט צילי אַדלער און טשאַרלס נאַטאַנסאָן), וואָס איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן אויף דער פּראָווינץ א״נ „דאָס אָרעם-רייכע יתומהלע“.

1920-21 : „ליבע און ליידענשאַפט“ (דעם 7 מאַי 1921 אין געבילס טעאַטער מיט מעי סיימאָן). די פּיעסע, איז אין 1926, אָן וויסן פון מחבר, דערשינען אין וואַרשע : „י. זאָלאָטאַרעווסקי, ליבע און ליידענשאַפט. לעבענס-בילד אין פיער אַקטען“ און איז אָפט געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער אין אייראָפּע. אין ליריק און אין לענאָקס-טעאַטער (מיט נייטאַן גאָלדבערג) זיינען געשפּילט געוואָרן : „נינא, אָדער, אַ דינסט ביי איר אייגן קינד“ און „אַ מאַמע אָן אַ קינד“, און אין פּיפּעלס טעאַטער — „עדעלע הערצער“ (מיט ראָזענטאַל, גרעטאַ מייער און לואי בירנבוים).

1921-22 : „דער פּרייז פון אַ גט“ (אויפגעפירט דעצעמבער 1921 אין פּיפּעלס טעאַטער, רעזשי — מאַקס ראָזענטאַל, מוזיק — ברודי, געשפּילט פון גאָלדענבורג, זאַץ און ראָזענטאַל), „יעדע פרוים פאַרלאַנג“ (אויפגעפירט אין ליפּצין טעאַטער מיט דזשעני וואַליער), „אין אַ וועלט פון זינד“ (אויפגעפירט דעם 1 יאַנואַר 1922 אין ליפּצין טעאַטער מיט דזשעני וואַליער), „פאַר אירע קינדער“ (אין ליפּצין טעאַטער מיט דזשעני וואַליער) און אין פּיפּעלס טעאַטער— „דאַרף אַ פרוי דערציילן ?“ (מיט גאָלדענבורג און ראָזענטאַל).

1922-23 — איז אין שיקאַגאָ אויפגעפירט געוואָרן ז.׳ס „אַ מאַמעס נשמה“ (מיט מוני אַקסעלראַד און יאָזעף שענגאָלד), וואָס איז אויך אין זעלבן סעזאָן געשפּילט געוואָרן אין פילאַדעלפיע א״נ „די מאַמע פון דער וועלט“ (מיט דאָראַ וויסמאַן) און אין אָקטאָבער 1923 אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער א״נ „אַ מאַמעס אָפּפער“ (געשפּילט 18 וואָכען מיט דזשעני וואַליער). די פּיעסע איז שפּעטער אָפט געשפּילט געוואָרן אין אייראָפּע דורך אַננאַ יאַקובאָוויטש.

אין זעלבן סעזאָן איז אין פילאַדעלפיע געשפּילט געוואָרן ז.׳ס „דער בן יחיד“, וואָס איז דעם 20 סעפּטעמבער 1923 אויפגעפירט געוואָרן דורך גאָלדענבורג אין ניו-יאָרקער אוירווינג פּלייס טעאַטער א״נ „די שפּין און די פליג“ (מיט גאָלדענבורג, מוני וויזענפריינד א. א.) און דערנאָך דורך אים געשפּילט אין ליבערטי טעאַטער א״נ „וואו איז מיין מאַמע ?“. אין ליבערטי-טעאַטער איז יענעם סעזאָן אויפגעפירט געוואָרן דורך יעקב קאָן ז.׳ס „שקלאַפן פון לוקסוס“, וואָס איז אין 1923 געשפּילט געוואָרן אין פילאַדעלפיע א״נ „דער ערגסטער מענטש אין דער וועלט“ (מיט באַראַטאָוו).

1923-24 — איז אין שיקאַגער פּלאַס טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן (מיט סעם קעסטין און דוד באַראַץ) ז.׳ס פּיעסע „פּלעזשור“ און אין ניו-יאָרקער אוירווינג פּלייס טעאַטער „די געקויפטע כלה“ (מיט מעי סיימאָן).

1924-25 — זיינען אויפגעפירט געוואָרן : „יעדע מאַמע“ (אין סעקאָנד עוועניו מיט דזשעני וואַליער), וואָס איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן אין פילאַדעלפיע (דורך מעי סיימאָן) א״נ „די שלאַנג אין גן־עדן“, און דעם 23 יאַנואַר 1925, אין נעשאָנאַל טעאַטער, „די 3 כלות, מוזיק פון סאַנדלער“ (מיט בלאַנק).

1925-26 : אין גרענד טעאַטער — די צייט-פּיעסע „דער שטייגערפּראָצעס“, וואָס איז באַלד דערויף געשפּילט געוואָרן איבער דער גאַנצער פּראָווינץ ; אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט טעאַטער (אויפגעפירט דורך בלאַנק) — „אַ טאַטענס נקמה“ און דערנאָך „דעם טאַטענס טעכטער“, וואָס איז אין סעזאָן 1926-27 געשפּילט

געוואָרן איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ א״נ „דער משוגענער טאַטע“ (מיט בלאַנק און עני מעלצער).

1927-28 — איז אין ניו-יאָרקער אירווינג פּליים טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך מאַקס ראָזענטאַל ז.׳ס „אַלימאָני“ (מיט ראָזענטאַל, צילי און סטעלאַ אַדלער).

1928-29 זיינען אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך יעקב קאָן „אויפן מזבח פון ליבע“ און „פאַרבאָטענע סחורה“ (מיט בערטאַ גערסטין) און אין ניו-יאָרקער ליריק טעאַטער (מיט בעטי פרענק) „די פריילעכע מויד“, וואָס איז דערנאָך געשפּילט געוואָרן אין פילאַדעלפיע א״נ „יעדענס געליבטע“ (מיט צילי אַדלער).

אויסערדעם זיינען נאָך צו פאַרשיידענע צייטן אויפגעפירט געוואָרן ז.׳ס פּיעסען „די פאַרוועלקטע בלום“ (אין ליריק טעאַטער, מיט אסתר און סאול וואַלערשטיין), „דער זיידע“ (אין גאָלד טעאַטער מיט זילבערט), „צרות פון קינדער“ (איבער דער פּראָווינץ), „די שוואַרצע האַנט“, „בייזע צינגער“, די צייט-פּיעסען: „לעאָ מ. פרענק קייס“, „הערי ק. טהאָ“ און „נען פּעטערסאָן“, ווי אויך צענדליגער איין- און צוויי-אַקטיקע סקעטשעס פאַר די יידישע וואָדעוויל-הייזער.

נאָך ניט אויפגעפירט זיינען ז.׳ס פּיעסען: „צוליב קינדער“, „זאַמרי“, „דער צדיק“ (באַאַרבעט פון ראָסטאַנס „ל׳אַגלאָן“), „געטער פון דער וועלט“ און „שיר השירים“ (היסטאָרישע פאַנטאַזיע).

ז.׳ס געדרוקטע פּיעסען:

[1] די יודישע אננאַ קאַרעניגאַ
דראַמאַ אין 4 אַקטען פאָן י. זלאָטאַרעווסקי
פּרייז 30 קאָפּ׳
פערלאַג פון דוד ראַטה, בוכהאַנדלונג,
לעמבערג תרסט [1909, 44 ז. 16°]

[2] ר׳ אבא׳לי אשכנזי
לעבענס ביլד אין 4 אַקטען פאָן י. זלאָטאַרעווסקי
פערלאַג פון דוד ראַטה, בוכהאַנדלונג, לעמבערג
לעמבערג תרס׳ט [1909, 52 ז. 16°]

[3] דער „ישיבה בחור“
(אָדער דער יודישער האַמלעט)
אַ פּיעסע אין 4 אַקטען און 6 בילדער
פון „זלאָטאַרעווסקי“
ווארשא [לויטן רוסישן 1914, 56 ז. 16°]

[4] י. זאַלאַטאַרעווסקי
געלד ליעבע און שאַנדע
פּיעסע אין 4 אַקטען
פערלאַג „רעקאָרד“ ווארשא 1923 [58 ז. 16°]

[5] פּראָפעסאָר יאַקאָבי
די ווייסע שקלאַפען
דראַמאַ אין פיער אַקטען
פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב ווארשא 1926
פּרייז 1 זלאָטי [48 ז. 16°]

[6] י. זאַלאַטאַרעווסקי
ליבע און ליידענשאַפט
לעבענס-בילד אין פיער אַקטען
פּרייז 1 זל.
פערלאַג ש. גאָלדפאַרב, ווארשא, 1926 [64 ז. 16°]

[7] [אַנאָנים]
די שטיפמוטער
אַ דראַמע אין 3 אַקטען
פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, ווארשע 1928
[52 ז. 16°]

מ. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז 1026-1028.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ I, ז. 200, II, זז. 141, 200, 205.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס-געשיכטע“, ניו-יאָרק, 1916, ז. 251.

אוריאל מזיק — „דאָס געזעץ פון נאַטור“ פון י. זאַלאַטאַרעווסקי, אין פּיפּעלס טעאַטער, „טאָג“, 2 יאַנואַר, 1920.

ב. גאָרין — דאָס געזעץ פון נאַטור, „מאָ״זש“, 6 יאַנואַר 1920.

אוריאל מזיק — „ליבע און ליידנשאַפט“ אין דעם געביל טעאַטער, „טאָג“, 13 מאַי, 1921.

ב. י. גאָלדשטיין — „אין אַ וועלט פון זינד“ אין ליפּצין טעאַטער, „טאָג“, 7 יאַנואַר, 1922.

אהרן ראָזען — „אין אַ וועלט פון זינד“ אין ליפּצין טהעאַטער, „ייד“טגבלט“, 6 יאַנואַר 1922.

ס. דינגאָל — „דער פּרייז פון אַ גט“ אין פּיפּעלס טעאַטער, „טאָג“, 8 יאַנואַר, 1922.

אהרן ראָזען — „דער פּרייז פון אַ גט“ — אַ טרעהרען פּיעסע, אין פּיפּעלס טהעאַטער, „ייד“טגבלט“, 13 יאַנואַר, 1922.

הלל ראָגאָף — צוויי פּיעסען אין אירווינג פּליים טהעאַטער, „פאָרוו.“, 5 אָקט., 1923.

הלל ראָגאָף — „אַ מאַמעס אָפּפער“, זאַלאַטאַרעווסקי׳ס מעלאָדראַמע אין קעסלער׳ס טעאַטער, „פאָרוו.“ 12 אָקט., 1923.

משה נאַדיר — „מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס בלוט“ זז. 150-153, נ. י.

ישראל דער יענקי — „די דריי כלות“ אין נעשאָנאַל טעאַטער, „ייד“טגבלט“ 30 יאַנואַר 1925.

אב. קאַהאַן — „די דריי כלות“, „פאָרוו.“, 13 פעברואַר, 1925.

ז. קאָרנבלוטה — „די דראַמאַטישע קונסט“, ניו-יאָרק, ז. 166.

מ. אָשעראָוויטש — „דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד“, ניו-יאָרק 1930, זז. 24-222.

זלאָטקאָף, לעאָן

געבוירן 15 מאַי 1866 אין ווילנע, פּויליש-ליטע. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-יידישע דערציאונג, אַ געוויסע צייט באַזוכט די אָרטיקע רעאַל-שול, דערנאָך אַוועק קיין פּאַריז, וואו ער הערט לעקציעס אין דער סאָרבאָנע. אין דער פּריסטער יוגנט דעביוטירט אין „המליץ“ און „הצפירה“. אין 1887 אַוועק קיין לאָנדאָן און דאָרט אָנגעהויבן שרייבן יידיש. שפּעטער האָט ז. עמיגרירט קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ, וואו ער איז די ערשטע צייט געשטאַנען נאָנט צו דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. דאָ האָט ער געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט און געווען טעטיק אַלס אַדוואָקאַט. אַ געוויסע צייט אויך אַלס פּראָקוראָר.

ז. איז געווען פאַרבונדן מיט פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבן און איז היינט רעדאַקטאָר פון „דער אידישער קוריער“ אין שיקאַגאָ.

אין 1891 איז אויפגעפירט געוואָרן ז.׳ס מעלאָדראַמע „שמשון הגבור“. דיזעלבע פּיעסע איז אין 1895 אויפגעפירט געוואָרן אין שיקאַגאָ דורך טאָמאַשעווסקי און אַדלער (מוזיק פון הערמאַן פיידלער). אין 1912 האָט שילדקרויט אויפגעפירט ז.׳ס באַאַרבעטע פּיעסע „זלמן טרובאַדור“ און אין 1926 האָט די „ווילנער טרופּע“ געשפּילט אין שיקאַגאָ ז.׳ס פּיעסע „דער ביטערער טראָפּן“.

מ. ע.

ז. רייזען — „לעק. ייד. ליט.“ I, זז. 1028-9.
ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ (רשימה פון פּיעסען).
בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענסגעשיכטע“ ז. 145.

זאַלודקאָווסקי, אליהו

געבוירן 1886 אין מייצעד, גראָדנער גוב., פּויליש-ליטע, און דערצויגן געוואָרן אין קאַליש, וואו זיין פאָטער, ר' נח לידער, איז אָנגעקומען אַלס שטאָט-חזן. געלערנט ש"ס און פּוסקים ביים קאַלישער רב ר' שמעון האָרנשטיין און גלייכצייטיק למודי-חוץ ביי פּריוואַטע לערער. פון קינדוויז אָן ארויסגעוויזן מוזיקאַלישע פעאיקייטן.

אין עלטער פון 12 יאָר געשריבן מוזיק (על פּי רוב באַארבעט זיין פאָטערס קאָמפּאָזיציעס) פאַר דער אָפּערעטע „די רויבער-באַנדע“ פון אַן אָרטיקן איינוואוינער שמואל ראָזענפעלד. די אָפּערעטע איז אַ לענגערע צייט געשפּילט געוואָרן אין קאַליש און אין דער סביבה. ז. האָט דערביי געשפּילט פידל און דיריגירט דעם אָרקעסטער.

1906-8 באַטייליקט זיך ז. אַלס כאָריסט אין יעקב בלייכמאַנס בערלינער יידישער טרופּע, פאַר וועלכער ער שרייבט אויך מוזיק צו די אויפגעפירטע אָפּערעטען.

1909 — געענדיקט בערלינער קאָנסערוואַטאָריע און דערנאָך באַקומען פון דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע דעם טיטל „פרייער קינסטלער“, שפּעטער געוואָרן חזן אין וואַרשע, אין ראָסטאָוו-דאָן, 3 יאָר געווען פרעמיער אין דער ראָסטאָווער קייזערלעכער אָפּערע און 4 יאָר פּראָפעסאָר פאַר געזאַנג און מוזיק-טעאָריע אין דער ראָסטאָווער געוו. קייזערליכער קאָנסערוואַטאָריע. שפּעטער ווידער געוואָרן חזן און קאָנצערטיסט.

ז. האָט פאַרפאַסט פיל סינאַגאָגאַלע קאָמפּאָזיציעס און מעלאָדיעס צו לידער פון יידישע דיכטער, האָט געשריבן פיל אַרטיקלען וועגן מוזיק און אַרויסגעגעבן איניקע גרעסערע קאָמפּאָזיציע-אַרטיקלען. ז. גרייט אויך צו אַרויסצוגעבן אין דעטראָיט, אַמעריקע, וואו ער האָט זיך באַזעצט, אַ „לעקסיקאָן פון יידישע חזנים און קאָמפּאָזיטאָרס“.

ש. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, I, 1029-30.

זאַלצמאַן, נעכאָמע

געבוירן סעפּטעמבער 1905 אין סמאַרגאָן, ווילנער גוב., פּויליש-ליטע. פאָטער — אַ בוכהאַלטער. געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטע אין אַ גאַלאַנטעריי-געשעפט, דערנאָך ביי שון-וואַקס און שפּעטער געוואָרן אַ שפּאָלערין. אַ קורצע צייט געווען אַ ביבליאָטעקאַרין.

צוליב דער אָפטער איבערוואַנדערונג אין מלחמה-צייט, ניט באַקומען קיין סיסטעמאַטישע בילדונג און בלויז אין ראָסטאָוו געהאַט די געלעגנהייט צו לערנען אַ קורצע צייט אין אַן אָוונט-שול. דאָרט האָט ז. גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דראַמקרייז ביים יידישן אַרבעטער-קלוב „דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל“, אין 1922 געלערנט אַ יאָר אין יידישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום אין מינסק און זיך באַטייליקט אין דעם דראַמקרייז א'פ פון וויקטאָר גאָלאָווטשינער. אין 1923 אַריינגעטראָטן אין דער יידישער מלוכה-סטודיע פון ווייסרוסלאַנד און אין 1926 אויטאָמאַטיש אַריבער אין פּערסאָנאַל פון „ווימ"ט“.

ש. ע.

זאַמאָשטשין, פּלטיאל

[געב. 21 יולי 1851 — געשט. . . . 1909]

געבוירן 21 יולי 1851 אין אָדעס, אוקראַאינע, ביי פאַרמעגלעכע עלטערן. באַזוכט די קאָמערץ-שול און גלייכצייטיק 5 יאָר געלערנט העברעאיש ביי פּרץ סמאָלענסקין. צו 17 יאָר אַוועק קיין בערלין שטודירן אַרכיטעקטור אין פּאָליטעכניקום, אָבער צוליב דעם פאָטערס שלעכטע געשעפטן נישט פאַרענדיקט דאָס שטודיום און 1870 צוריקגעקומען אין אָדעס, וואו ער פאַרנעמט זיך מיט מסחר און ווידמעט זיין פרייע צייט דער ליטעראַטור.

ז. האָט אין שלום-עליכםס „יודישע פאָלקסביבליאָטעק“ פאַרעפנטלעכט אַ געגראַמטע קאָמעדיע אין איין אַקט „נאָר אַ דאָקטאָר“, און אַזוי ווי שלום-עליכם האָט אויך אַן איינאַקטער מיט דעמזעלבן נאָמען, איז צווישן זיי פאָרגעקומען וועגן דעם אַ ליטעראַרישער סכסוך.

אין מ. ספּעקטאָרס „דער פאַמיליען-פריינד“, וואַרשע 1887, האָט ז. אָפּגעדרוקט „דער מעדאַליאָן, אָפּערעטע אין 1 אַקט אין 2 בילדער (פריי באַאַרבייטעט נאָך דעם „חותם-שדי“ [אַ העברעאישע פּאָעמע] פון א. ב. גאָטלאָבער).“

ז. האָט — לויט יעקב מעסטעל — איבערגעלאָזט אין כתב-יד 2 פּיעסען.

ז. איז אין 1909 געשטאָרבן אין ווין אַ דערוויטערטער פון דער ליטעראַטור און כמעט אינגאַנצן אַ פאַרגעסענער, הגם ער האָט — לויט זלמן רייזען — אין אָנהייב פון דער נייער עפּאָכע פון דער יידישער ליטעראַטור געשפּילט אין איר אַ געוויסע ראָל אַלס איינער פון אירע ערלעכסטע און פּראָדוקטיווסטע פאָרשטייער.

מ. ע. פון יעקב מעסטעל.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 1035-6.
„שלום-עליכם-בוך“, נ. י. זז. 225-6.
ר. גראַנאָווסקי — יצחק יואל לינעצקי, „פּנקס“, נ. י. 1-2, ז. 146.

זאַנגער, יעקב

געב. 1895 אין וואַרשע, פּוילן. אָנגעהויבן זיין בינע-טעטיגקייט אין מוראַנאָווער טעאַטער (דיר. קאָמפּאַנעיעץ) אין וואַרשע אַלס כאָריסט, באַזיצנדיק אַ סאָפּראַן-שטים, האָט ער אויך געשפּילט די ראָל פון „שולמית“. דערנאָך פאָרט ז. קיין רוסלאַנד צו יוליוס אַדלערן, מיט וועלכן ער קומט שפּעטער צוריק אין פּוילן. אַ לענגערע צייט שפּילט ער אין אָדעס ביי ראַפּעלן און ביי קלאַראַ יאָנג.

בעתן מלחמה-אויסבראָך ווערט ז. מאָביליזירט, איז אַ קורצע צייט אין דער אַרמעע און שפּילט דערנאָך מיט קאַניעווסקאַ, ברייטמאַן און סאָניע ברין אין קרעמענטשוג. צוליב אַ פּאָגראָם

איז די טרופּע אַוועק קיין פּאָלטאַווע. אויפן וועג קיין סעוואַס־טאָפּאָל ווערט ז. אין טאַגאַנראָג אַרעסטירט אַלס „שפּיאָן". נאָך 2 יאָר אין סעוואַסטאָפּאָל פאָרט ער דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל און איטאַליע קיין ווין, וואו ער מיט נאָך אייניקע אַקטיאָרן לעבן פון זינגען לידלעך אין יידישע רעסטאָראַנען. נאָכן שפּילן אין ווין 3 וואָכן אונטער דער דירעקציע פון שלום פּאָדזאַמטשע זיינען אייניקע אַקטיאָרן קראַנק געוואָרן אויף פלעק־טיפוס און די טרופּע איז זיך צעפאַלן. שפּעטער שפּילט ז. מיט מאַלי פּיקאָן בעת אירע גאַסטראָלן אין ווין, פאָרט קיין פּאַריז, וואו ער שפּילט אייניקע חדשים, דערנאָך 3 יאָר אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן־טעאַטער. במשך פון דער צייט שפּילט ער 6 חדשים אין דרום־אַפריקע צוזאַמען מיט יאָזעף קעסלער.

אין 1924 קומט ז. אין אַמעריקע און שפּילט דורך דער צייט אין ניו־יאָרק און אין דער פּראָווינץ. אין 1926 — אין האָלענדערס טרופּע אין טאָראָנטאָ, 1927־8 — אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן־מיכאַלעסקאָ און אין 1928-9 אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן.

ז. שרייבט אויך מוזיק און ליריקס. אין שיקאַגאָ זיינען אויפגעפירט געוואָרן זיינע אָפּערעטן „סינאָריטאַ" (טעקסט פון ל. פריימאַן) און „קאַווקאַזער געליבטע" (טעקסט פון ל. פריימאַן).

ש. ע.

זאַנדבערג, יוליאַ

[טויבע־איטע ספּעקטאָר]

[געב. 1878 — געשט. 10 מערץ 1925]

געבוירן 1878 אין סימפעראָפּאָל, קרים. פאָטער—אַ חזן. בעת פישזאָנס טרופּע שפּילט אין סימפעראָפּאָל, ווערט ז., צוליב איר שיינער שטים, אַריינגענומען אין כאָר, אָבער זי טרעט ערשט אויף אין יעקאַטערינאָסלאַוו. אַ קורצע צייט שפּעטער באַקומט זי קליינע ראָלן און ווערט באַלד פּאָפּולער אין רוסלאַנד אַלס זינגערין אין גאָלדפאַדען־רעפּערטואַר. דערנאָך טרעט זי אויף מיט דערפאָלג אויך אין דאַמאָלטיקן „מאָדערנעם" רעפּערטואַר.

אין 1903 האָט ז. חתונה מיטן אַקטיאָר יצחק זאַנדבערג און נאָכן שפּילן נאָך 2 יאָר אין די טרופּעס פון פישזאָן און קאַמינסקי, קומען זיי אין 1905 אין לאָדזש, וואו איר מאַן נעמט איבער די דירעקציע פון גרויסן טעאַטער.

זייט דאַמאָלט שפּילט ז. זעלטן און גיט זיך מער אָפּ מיט דער ניט־אָפיציעלער פאַרוואַלטונג פון טעאַטער. נאָך איר מאַנס טויט פירט אָן ז. אַ געוויסע צייט מיטן טעאַטער, צוערשט צוזאַמען מיט מ. ד. וואַקסמאַן און דערנאָך אַלס מיטשותּף מיט וואַקסמאַן, יוליוס אַדלער און הערמאַן סיעראָצקי.

ערשט די שרפה פון גרויסן טעאַטער באַזייטיקט ז. פולשטענדיק פון יידישן טעאַטער און נאָכן ליגן קראַנק 2 יאָר שטאַרבט זי עלנט און פאַרלאָזן, דעם 10 מערץ, 1925, אין לאָדזש.

ז.'ס שוועסטער איז געווען די פרוי פון אַקטיאָר משה שפּיראָ.

מ. ע. פון איר זון יוסף זאַנדבערג און פון כינע בראַגינסקאַ.

יוליאַ (איטע) זאַנדבערג [נעקראָלאָג] „לאָדזש"טבל", 11 מערץ, 1925.

זאַנדבערג, יצחק

[געב. 1871 — געשט. 24 יוני 1915]

געבוירן 1871 אין לאָדזש, פּוילן. פאָטער — באַזיצער פון אַ וועשעריי. פון דער פריסטער יוגנט אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו געזאַנג, געזונגען אין פאַרשיידענע קוואַרטעטן און מיט וואַנדערנדע זינגער. דערנאָך געשפּילט אין די דאַמאָלטיקע יידישע טרופּעס פון קאַמינסקי, פישזאָן, סאַבסיי, קאָמפּאַנעיעץ, בערנשטיין. באַזיצנדיק אַ שיינע שטים פלעגט ז. די ערשטע צייט שפּילן די ליבהאָבער - ראָלן („אבשלום", „בר - כוכבא" „גדליהו" אין „חורבן ירושלים" א. ד. ג.), דערנאָך איז ער איבערגעגאַנגען צו כאַראַקטער־און קאָמישע ראָלן („קוני לעמעל", „נתן הכהן" אין גאָלדפאַדענס „שולמית", „פינקע" אין לאַטיינערס „כינקע און פינקע" א. א.).

הגם עס איז אים על פּי רוב אויסגעקומען צו שפּילן אין שונד־רעפּערטואַר, האָט אָבער ז., אַ דאַנק זיין נאַטירלעכן טאָן און קינסטלערישע אינטואיציע, געשאַפן לעבעדיקע מענטשן־טיפּן. ז. איז באַזונדערס פּאָפּולער געווען אין די ראָלן „פּרץ" אין גאָלדפאַדענס „לא תחמוד" און „חנוך" אין לאַטיינערס „אשה רעה", וועלכע זיינען געוואָרן אַ פאָרבילד פאַר אַנדערע אַקטיאָרן פון זיין דור.

אין 1905 ווערט ז. דירעקטאָר פון לאָדזשער גרויסן טעאַטער און אין משך פון די 9 יאָר, וואָס ער האָט אָנגעפירט מיטן דאָזיקן טעאַטער, האָט ער דאָרט געשאַפן דעם שטאַרקסטן שטיצפּונקט פאַר דער יידישער בינע אין מזרח־אייראָפּע. ער אַליין ציט זיך צוריק פון דער בינע און באַגנוגנט זיך מיט אויפטרעטן איין מאָל אין יאָר צו זיינע בענעפיסן, דאָס רוב אין זיינע אַלטע ראָלן. ז. פלעגט אַנגאַזשירן פאַר זיין טרופּע די אָנגעזעענסטע כחות פון דער יידישער בינע אין אייראָפּע, מיט ספּעציעלע רעזשיסאָרן (מעערסאָן, טיטעלמאַן, יוליוס אַדלער), איז געווען דער ערשטער צו פאַרבעטן אָנגעזעענע יידישע אַקטיאָרישע כחות פון אַמעריקע (מאָריס מאָשקאָוויטש, באָריס טאָמאַשעווסקי, דוד קעסלער, יעקב זילבערט, עליאַס ראָטשטיין, מאַלווינע לאָבעל) און האָט דער ערשטער געלאָזט אויפירן (אין אַנוועזנהייט פון די מחברים) אייניקע פּיעסען פון שלום אַש, פּרץ הירשביין און יצחק קאַצענעלזאָן.

אין 1914, ביים אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה, ווערן די פאָרשטעלונגען אין גרויסן טעאַטער אָפּגעשטעלט און דאָס טעאַטער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שפּיטאָל פאַר פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן. ז. פאָרט אָפּ קיין וואַרשע. דאָרט ווערט ער קראַנק און באַזעצט זיך אין שכנותדיקן קור־אָרט אָטוואָצק, וואו ער שטאַרבט דעם 24 יוני 1915, אָפּגעריסן פון זיין פאַמיליע.

מ. ע. פון עמיליע אַדלער.

באָריס טאָמאַשעווסקי — טאָמאַשעווסקי בעשרייבט אַ אידישען טעאַטער אין רוסלאַנד, „פאָרווי.", 12 אָקטאָבער 1913.

באָריס טאָמאַשעווסקי — טאָמאַשעווסקי בעשרייבט זיין ערשטע פאָרשטעלונג אין לאָדז, „פאָרווי.", 19 אָקטאָבער 1913.

באָריס טאָמאַשעווסקי — טאָמאַשעווסקי געזעגענט זיך מיט לאָדז און פאָרט קיין וואַרשוי, „פאָרווי.", 26 אָקטאָבער 1913.

יצחק זאַנדבערג — קונסט און דאַנקבאַרקייט, „דיא וואַרהייט", נ. י. 16 דעצעמבער 1913.

איקס — יצחק זאַנדבערג ז"ל, „לאָדז. פאָלקסבל.", 28 יולי 1915.

[—] אַרום דער שרפה אין גרויסען טעאַטער, „לאָד"טגבל", 22 אָקט., 1920.

איזיק וויינשטיין — דער גרעסטער אידישער טהעאטער אין אייראפא אבגעברענט, „פארוו.“, 19 נאוו. 1920.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון א יידישן טעאטער־קריטיקער, „אר־כיוו“, 1930, ז. 413.

עמיליע אדלער — דאס לעבען פון א אידישער אקטריסע, „די אידישע וועלט“, קליוולאנד, 31 אקט., 1930.

זאסלאווסקא, בערטא

[באסיע לעווין]

געבוירן 28 סעפטעמבער 1891 אין ווילנע, פויליש-ליטע. פאטער — אן אפטייקער. ערשטע דערציאונג באקומען ביי א פראנצויזישער גוווערנאנטקע, דערנאך באזוכט פרוי פראזעראוואס גימנאזיע און גלייכצייטיק טרעסקינס מוזיק-שול.

נאך אין דער שול באוויזן פעאיקייטן פאר דער בינע, באזונדערס אין מוזיקאלישע נומערן, און געשפילט די הויפט-ראלן אין די שול-פארשטעלונגען. אין עלטער פון 12 יאר באטייליקט זיך ז. אויך אין די דאמאלטיקע קינדער-פארשטעלונגען אויף רוסיש א'ר פון אקטיאר ל. שריפטזעצער.

נאכן ענדיקן אין 1908 די גימנאזיע האט ז. גענומען אן אקטיוון אנטייל אין די ארטיקע יידישע דראמקרייזן און געשפילט פאראנטווארטלעכע ראלן.

ז. פארט קיין פעטערבורג, וואו זי באזוכט ראיעווס יורידישע קורסן און די קאנסערוואטאריע און שפילט גלייכצייטיק אין רוסישן דראמאטישן קרייז א'ל פון ריוועסמאן. 1911 — אנגעקומען אלס מוזיק-לערערין ביי דער פאמיליע פון טעאטער-דירעקטאר זאנדבערג אין לאדזש, דארט זיך באקענט מיטן אקטיאר רודאלף זאסלאווסקי און נאך דער חתונה מיט אים אויפגעטראטן אין ווילנע אין 1913 אלס „אירענא“ אין ארנשטיינס „דאס ווילנער בעל-ביתל“. שפעטער האט ז. דער עקר זיך אפגעגעבן מיט אקאמפאנירן די מוזיק-נומערן פון די געשפילטע פיעסען, ארויסטרעטנדיק נאר זעלטן אויף דער בינע.

ערשט אין 1916 האט ז. אנגעהויבן סיסטעמאטיש שפילן. צוליבן דאמאלטיקן פארווער אויף יידיש, איבערזעצט ז. (צוזאמען מיט איר ברודער, דער אקטיאר אברהם לעווין) אויף רוסיש פיעסען פון יידישן רעפערטואר ווי: „די אמעריקאנערין“, „חנהטשע אין אמעריקע“, „די שחיטה“, „די געבראכענע הערצער“, „חאסיע די יתומה“ א. א. און שפילט אויך אין דידאזיקע אויפירונגען. אזוי וואנדערט ז. מיט איר מאן ביז באברויסק, וואו די טרופע הייבט ווידער אן שפילן יידיש.

ז. האט אויך איבערזעצט אויף יידיש איייניקע פיעסען פון אייראפעאישן רעפערטואר, וועלכע די טרופע פון איר מאן האט אויפגעפירט.

ז. האט אין איר בינע-קאריערע זייט 1916 מיטגעמאכט דעם זעלבן עטאפ וואס איר מאן, א חוץ זיין נסיעה אין 1929 קיין ארגענטינע.

מ. ע.

בערטא זאסלאווסקא — ווי אזוי איך בין געקומען צו דער ביהנע, „טעאט“צט“,ווארשע 7, 1928.

זאסלאווסקאיא, וויערא

געבוירן אין דארף הארבי, קרעמענטשוגער אויעזד, כערסאנער גוב. אוקראאינע. איר פאמיליע טראגט זיך איבער קיין יעליסאוועטגראד, וואו זי לערנט אין גימנאזיע. דארט קומט איר אויס צו שפילן מיט די שילער אויף אוקראאיניש און זי ציט צו די אויפמערקזאמקייט פון דירעקטאר פון דער אוקראאינישער טרופע, קרעפאווניצקי, וועלכער אנגאזשירט זי אין זיין טרופע.

ז.'ס ערשטער אויפטריט איז אין „נאטאלקא פאלטאווקא“. קעגן די עלטערנס ווילן פארט זי ארום מיט דער טרופע איבער רוסלאנד ביז זיי קומען קיין קיעוו, וואו צוליב פאס-שוועריגקייטן פארלאזט זי די טרופע און קערט זיך צוריק אהיים.

עטלעכע חדשים נאכדעם קומט קיין יעליסאוועטגראד פישזאן, וועלכער וויל זי אריינגעמען אין זיין טרופע, נאר ז.'ס עלטערן זיינען קעגן דעם. אבער זי בענקט זייער נאך דער בינע און אנטלויפט קיין בערדיטשעוו צו פישזאנס טרופע. נאר אזוי ווי זי קען נית קיין יידיש, זינגט זי בלויז אוקראאינישע לידלעך אויף די „דיווערטיסמענטן“. דורך דער צייט לערנט זי פישזאן יידיש און זי טרעט אויף אלס „מירעלע“ אין גאלדפאדענס „בשוף-מאכערין“, א קורצע צייט שפעטער אויך אין אנדערע הויפט-ראלן.

אייניקע יאר וואנדערט ז. ארום מיט דער טרופע צוזאמען מיט פאקוסניקעס און קונצנמאכער, שפילנדיק אין דערפלעך, אויף וואקזאלן און אין פאבריקן, ביז אין 1902 באקומט פישזאן די דערלויבניש צו שפילן „יידיש-דייטש טעאטער“, און ז. ווערט פאפולער אין רוסלאנד אלס פרימאדאנע.

אין 1903 האט ז. חתונה מיטן אקטיאר מישע פישזאן, און הויבט אן אויפצוטרעטן אין גארדינס רעפערטואר אלס דראמאטישע שוישפילערין.

אין 1905 גאסטראלירט ז. אין לעמבערג און שפעטער אין ווארשע ביז 1908, ווען זי ווערט צוזאמען מיט מישע פישזאן אנגאזשירט קיין אמעריקע צו קעסלערן אין טעאטער, וואו זי שפילט א קורצע צייט און פארט צוריק קיין רוסלאנד, שפילנדיק אין פעטערבורג, מאסקווע, קיעוו, באקו און כארקאוו, על פי רוב אין דראמאטישן רעפערטואר. 1917 — שפילט ז. ווידער אין פעטערבורג, 1918 — אין אדעס, וואו זי ווערט א מיטגליד פון „יידישן אדעסער מלוכה-טעאטער“.

אין 1921 שפילט זי צוזאמען מיט איר מאן אין רומעניע אין „יידישן מוסטער און קונסט-טעאטער“, אין 1923 גאסטראלירט זי מיט אים איבער פוילן, פראנקרייך און ענגלאנד און סוף פון זעלבן יאר קומט זי אין אמעריקע.

1924 ווערט ז. אנגאזשירט אין יידישן טעאטער אין דעטראיט, וואו זי שפילט ביז 1928, ווען זי פארט קיין אייראפע, און גאסטראלירט אין ווין און רומעניע צוזאמען מיט מישע פישזאן אין דראמאטישן און אפערעטן-רעפערטואר. 1929-30 — האט ז. געשפילט אין ברוקלינער ליריק-טעאטער.

ש. ע.

ב. גארין — „געש. איד. טעאט.“, II, ז. 211.

נח פרילוצקי — „יידיש טעאטער“, ביאליסטאק, 1921, II, 86.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון א יידישן טעאטער־קריטיקער, „אר־כיוו“, זז. 49-346.

זאַסלאַווסקי, רודאָלף

[ראובן-לייב]

געבוירן 10(23) נאָוועמבער 1886 אין אומאַן, קיעווער גוב., אוקראַאינע. פֿאָטער — אַ הענדלער. געלערנט אין חדר. אין עלטער פון 7 יאָר אַריבערגעפאָרן מיט דער פאַמיליע קיין אָדעס. פון 8 יאָר אָן געלערנט אין דער היים ביי אַ לערער, דערנאָך אין האַנטווערקער-שול, וועלכע ער ענדיקט צו 13 יאָר.

זיין פֿאָטער — אַ ליבהאָבער פון נגינה, פלעגט אָפט מיטנעמען ז. צו חזנים און דאָס האָט דערוועקט ביי אים אַ שטאַרקע נטיעה צו געזאַנג. זייענדיק אַ סטאַטיסט אין קינדער-כאָר פון דער רוסישער אָפּערע „פּיקאָוואַיאַ דאַמאַ“, מאַכט ער נאָך אין דער היים די אַקטיאָרן. אַלס יונגל פון 9 יאָר ווערט ז. אַ משורר אין דער שאַלאַשן-שול ביים חזן יאַנקל סאַראָקער און אין עלטער פון 12 יאָר באַטייליקט זיך ז. אויף רוסיש אין אַ שילער-אויפירונג פון גאָגאָלס „חתנים“, שפּעטער אין די שול-פאָרשטעלונגען פון דער האַנטוועקער-שול „טרוד“ און אין רוסישע „ליבהאָבער“-פאָרשטעלונגען. ז. לערנט אויך 6 חדשים אין דער דראַמאַטישער שול פון סעלעוואַנאָוו, דערנאָך פאָרט ער אַרום 4 חדשים מיט דער רוסישער וואַנדער-טרופּע פון לובימאָוו און גייט איבער שפּעטער אין אַן אַנדערער רוסישער טרופּע, וועלכע ער פאַרלאָזט אָבער צוליב דער אַנטיסעמיטישער שטימונג.

אין 1901 ווערט ז. דורכן אַקטיאָר ליפּאָווצקי אַריינגענומען אין דער יידישער טרופּע פון מישוראַט אין באַלטאַ, וואו ער טרעט אויף אַלס „אבשלום“. 6 וואָכן שפּעטער — צוליב פאַרווער אויף יידיש טעאַטער — פאָרט ז. צוריק קיין אָדעס, שפּילט אייניקע געמישטע רוסיש-יידישע פאָרשטעלונגען און, כדי צו האָבן אַ געלעגנהייט צו שפּילן מיט מעערסאָן, טרעט ער אַריין אַלס כאָריסט אין קרויזעס טרופּע אין ניקאָלאַיעוו. באַלד פאָרט ער אָבער ווידער צוריק קיין אָדעס און שפּילט רוסיש מיט הפסקות אין משך פון יאָר 1902. אין 1903 טרעט ער אַריין אין דער טרופּע פון קאָמפּאַנעיעץ. 5 חדשים שפּעטער גייט ער איבער אין מעערסאָנס קיעווער טרופּע, מיט וועלכער ער פאָרט קיין אָדעס, און ווען די טרופּע צעטיילט זיך, פאָרט ער קיין ליבאַווע צו קאָמפּאַנעיעץ, וועלכער פירט דאָרט אויף צום ערשטן מאָל גאָרדינס רעפּערטואַר. ז. טרעט דאָ אויף אַלס „לייזער בדחן“ אין „גאָט, מענטש און טייוול“, דערנאָך פאָרט ער מיט דער טרופּע קיין וואַרשע, וואו ער שפּילט 3 חדשים אין מוראַנאָווער טעאַטער און טרעט אַריין אין סאַבסיים טרופּע מיט וועלכער ער פאָרט אַרום 2 יאָר איבער רוסלאַנד.

נאָכדעם ווי ז. אָרגאַניזירט אַ סטרייק קעגן סאַבסיי, גייט ער איבער אין דער טרופּע פון גענפער, וואו ער שפּילט מיט הפסקות 3 יאָר און פירט דאָרט אויף יושקעוויטשעס „דער קעניג“ און איבסענס „גייסטער“. אין דער צייט פון דער הפסקה שפּילט ז. מיט אסתר רחל קאַמינסקאַ אין אָדעס. 1909 — שפּילט ז. אַ האַלב יאָר ביי גענפער אין קעשעניעוו און פון דאָרט פאָרט ער אַרום מיט קאַמינסקאַ איבער רוסלאַנד, ביז זיי קומען אין וואַרשע און טרעטן אַריין אין ניי-געעפנטן קאַמינסקי-טעאַטער. עטלעכע חדשים שפּעטער טרעט ז. אַריין אין ליפּאָווסקיס „ערשטער יידישער פאָלקס-טעאַטער“ אין ווילנע, וואו ער איז אויך רעזשיסער, שפּילט דערנאָך איבער דער פּראָווינץ און ווערט אַנגאַזשירט צו זאַנדבערג אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער, וואו ער טרעט אַרויס

אַלס פּרעמיער סיי אין דער דראַמע סיי אין דער אָפּערעטע. 1912 — שפּילט ז. אין אַדלער-ליפּאָווסקיס צירק-טעאַטער אין לאָדזש און פירט דאָרט אויף צום ערשטן מאָל אין מזרח-אייראָפּע שעקספּירס „האַמלעט“ אויף יידיש (איב. פון אַקטיאָר וואַסערמאַן). אין לאָדזש פאַרבינדט זיך ז. מיט דער „הבימה העברית“ און טרעט אויף אין העברעאיש אַלס „אוריאל אַקאָסטאַ“ און „יעקב“ אין הערצלס „דאָס נייע געטאָ“, מיטמאַכנדיק אַ טורנע איבער רוסלאַנד, פּוילן און ליטע. 1914 — שפּילט ז. אין ווילנע און פירט דאָרט אויף סוועט לאַנגעס „שמשון און דלילה“ (איב. ז. זילבערצווייג).

בעת דער מלחמה פאָרט אַרום ז. מיט קאַמינסקאַ איבער רוסלאַנד, 1916 — ווערט ער דירעקטאָר אין אָדעס און שפּילט — צוליבן פאַרבאָט אויף יידיש — אַ טייל פון יידישן טראַדיציאָנעלן רעפּערטואַר אין רוסישער איבערזעצונג. נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע פירט אָן ז. מיטן יידישן מלוכה-טעאַטער אין קיעוו. שפּעטער טראָגט ער זיך איבער קיין פּעטראָגראַד, וואו ער פירט אויף אין מאַרינסקי-טעאַטער זיין דראַמאַטיזירונג פון שלום עליכםס „טוביה דער מילכיקער“. נאָכדעם ווי ער העלפט מיט ביים גרינדן דאָס „קונסט-ווינקל“ אין קיעוו און שפּילט נאָך אין אייניקע שטעט פון רוסלאַנד, וואַנדערט אויס ז. קיין אַרגענטינע, וואו ער איז דער איניציאַטאָר פון יידישן פאָלקס-טעאַטער, וועלכער האָט אָנגעפירט דעם קאַמף קעגן די טמאים.

נאָכן שפּילן אייניקע חדשים אין אַרגענטינע און בראַזיליע, ווערט ז. סוף 1926 פאַרבעטן דורך אַנשעל שאָר קיין אַמעריקע, וואו ער גאַסטראָלירט אייניקע חדשים אין פילאַדעלפיע און ניו-יאָרק, קערט אָבער ווידער צוריק קיין אייראָפּע, שפּילט אַ קורצע צייט אין פּאַריז און פאָרט דערנאָך אַרום מיט אַן אייגענער טרופּע איבער פּוילן, וואו ער פירט אויף זיין דראַמאַטיזירונג פון אייניקע שלום-עליכםס „טוביה-מעשיות“ א"נ „טוביה דער מילכיקער פאָרט קיין ארץ ישראל“. 1928 — עפנט ז. אונטער זיין דירעקציע אַ דראַמאַטיש טעאַטער אין וואַרשעווער סקאַלאַ (געוו. ווענוס), וואו ער איז פּרעמיער און רעזשיסער און פירט דאָרט אויף „פאַרקויפטע הערצער“ [„איבערגוס“ אָדער „גאַסן-מיידלעך“] פון ל. מלאך. נאָכן שפּילן אייניקע חדשים אין וואַרשע, פאַרלאָזט ז. דאָס טעאַטער צוליב אַ סכסוך מיטן אַרטיסטן-פאַריין און פאָרט גאַסטראָלירן קיין רומעניע, פראַנקרייך און פון דאָרט קיין בראַזיליע און אַרגענטינע.

מ. ע.

דר. א. מוקדוני — זאַסלאַווסקיס ערשטער אויפטריט אין אַמעריקע, „מאָז"ש“, נ. י. 24 דעצ. 1926.

מ. מיאָדאָווניק — מיינע טעאַטער זיכרוינעס, זשורנאַל „דער שטערן“, מינסק, 4, 1926.

א. פרידקין — וועגן איבסענען, וועגן רודאָלף זאַסלאַווסקין און וועגן טוביה דעם מילכיקן, „ליט"בל“, 39, 1927.

נ. מייזיל — דאָס יידישע טעאַטער אין וואַרשע, „ליט"בל“, 14-15, 1928.

ש. ל. ש. — אַ שמועס מיט רודאָלף זאַסלאַווסקי, „ליט"בל“ 40, 1928.

זלמן זילבערצווייג — יידישע אַקטיאָרן אויף דער העברעאישער בינע, „טעאַטער-זכרונות“, ווילנע, 1928, זז. 46-58.

רודאָלף זאַסלאַווסקי — דרייסיק יאָר אויף דער בינע, „טעאַט"צ“, וואַרשע 1(8), 2(9), 1929.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו“, ז. 416.

עמיליע אַדלער — דאָס לעבען פון אַ אידישער אַקטריסע, „די אידישע וועלט“, קליוולאַנד, 7 נאָוועמבער, 1930.

זאַץ, לודוויג

[לוי יצחק]



געבוירן 18 פעברואַר 1895 אין לעמבערג, גאַליציע. פאָטער — אַ שניידער. געלערנט אין חדר און אין פאָלקס-שול. געזונגען אין אָרטיקן טעמפּל ביים קאַנטאָר האַלפּערן. אַלס קינד פון 5 יאָר זיך באַטייליקט אין אַ קינדער-ראָל אין שאַרקאַנסקים פּיעסע „דגל מחנה יהודה", וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין זאַל קאָלאָסעאום דורכן דראַמאַטישן קרייז פון צימער-מאָלער-פאַריין און שפּעטער אין אַנדערע אויפפירונגען פון דאָזיקן קרייז. איין מאָל געזונגען די סאָלאָ אין לאַטיינערס „כינקע און פינקע" אין דאָרטיקן פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער. צו 7 יאָר אָנגעהויבן זינגען אין קינדער-כאָר פון אָרטיקן פּוילישן אָפּערן- און אָפּערעטן-טעאַטער.

פון דער פּריסטער יוגנט אָנגעוויזן אויף זיך אַליין, אַרבעט ער אַ יאָר צייט ביי אַ פאָטאָגראַפיסט, דערנאָך אין בוכהאַנדלונגען, איז אַ קורצע צייט אַליין באַזיצער פון אַ קליין בוך- און פּאַפּיר-געשעפט, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט צו לייענען די וועלט-ליטעראַטור אין דייטש און פּויליש. אָבער זיין נייגונג צו טעאַטער פירט אים צו „שפּילן" פאַר זיך „טעאַטער-סצענעס" ביז ער ווערט באַזייטיקט פון זיין פּאָסטן.

1910 ווערט ז. — מיט דער הסכמה פון פאָטער — אַריינגענומען דורך אַדאָלף מעלצער אַלס כאָריסט אין זיין טרופּע אין פּשעמישל, און דאָרט דעביוטירט ער אַלס „אַ ייד" אין גאָרדינס „גאָט מענטש און טייוול". בעת זיין אַרומוואַנדערן מיט דער טרופּע איבער גאַליציע, האָט ז. די געלעגנהייט איין מאָל צו שפּילן עקספּראָמט (אין סאַמבאָר) „שמואל יאָסל" אין גאָרדינס „די שחיטה". 1911 — צוריקגעקומען אין לעמבערג און אַריינגעטראָטן אין עמיל גימפּעלס טרופּע, וואו ער טרעט אויף אַלס „רעפּאָרטער" אין טערס „די יידישע נשמה" און בלייבט שוין דאָרט — צוליב דער אָפּוועזנקייט פון שילינג און שטרענג — אַ יאָר צייט אַלס דער ערשטער קאָמיקער, אָבער צו זיין בענעפיס שפּילט ז. אַלס „למך" אין גאָרדינס „דער ווילדער מענטש". שפּעטער פאָרט ז. קיין בודאַפּעסט, וואו ער שפּילט 6 חדשים ביי ווערטהיימער אין [צוליב קאָנצעסיע-ענינים] „קאָנדענסירטע פּיעסען". פון דאָנען אַנגאַזשירט צו מעלצערן צו שפּילן איבער דער גאַליצישער פּראָווינץ, ווערט ז. באַלד, (צוליב דעם, וואָס מעלצער פאַרלאָזט די טרופּע) בשותפות מיט שנעק, דער דירעקטאָר פון דער טרופּע, וואו ער שפּילט קאָמישע און ערנסטע ראָלן.

פון סעפּטעמבער 1912 ביז פעברואַר 1913 שפּילט ז. אין לאָנדאָנער יידישן פּאַוויליאָן טעאַטער (דיר. מאָריס מאָשקאָוויטש און מ. ד. וואַקסמאַן) און גייט דערנאָך אַריבער אין דאָרטיקן פּעריגען טעאַטער (דיר. יאָזעף קעסלער). דאָ האָט ז. חתונה מיט לילי, די טאָכטער פון זיגמונד און דיינע, פיינמאַן.

אין מאַי 1914 איז ז. געפאָרן קיין לעמבערג, וואו ער איז אייניקע מאָל אויפגעטראָטן אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער. צוליבן אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה פאַרלאָזט לעמבערג און דורך לאָנדאָן אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער ווערט פּובליסיטי מען און געשעפטס-פאַרוואַלטער אין רוף-גאַרדען פון נעשאָנאַל טעאַטער אין ניו-יאָרק (דיר. — מאָריס שוואַרץ און דיינע פיינמאַן). 1914-15 — ווערט ער אַנגאַזשירט אין פילאַדעלפיע אַלס שוישפּילער און סטיידזש-מענעדזשער אין נעשאָנאַל טעאַטער (דיר. — אַנשעל שאָר). 1915 — איז ער אַ האַלבן סעזאָן באַשעפטיקט אַלס „עקסטראַ" אין דער לובין-פילם-געזעלשאַפט און 1915-17 שפּילט ער ביי אַנשעל שאָר אין אַרטש סטריט-טעאַטער, פון וואַנען ער ווערט אַנגאַזשירט אויפן סעזאָן 1917-18 דורך יעקב פּ. אַדלער, פאַר זיין ניו-יאָרקער גרענד-סטריט טעאַטער. 1918-19 — שפּילט ז. אין אירווינג פּלייס טעאַטער (דיר. — מאָריס שוואַרץ), וואו ער ציט אויפמערקזאַמקייט אַלס „טודרוס" אין הירשביינס „אַ פאַרוואָרפן ווינקעל". 1919-21 — אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער (מענעדזש. י. עדעלשטיין), וואו ער האָט באַזונדערס דערפאָלג אין גרשם באַדערס „דעם רבינס ניגון" (מוזיק — י. רומשינסקי), 1921-22 — אין פּיפּלס-טעאַטער (מענ. — ראַווינדזשער און שולמאַן), 1922-23 — אין דער קאָאָפּעראַטיווער טרופּע אין אירווינג פּלייס טעאַטער, 1923-24 — אַ קורצע צייט אין טאָמאַשעווסקים נאַראָבעים טעאַטער, וואו ער שפּילט צוזאַמען מיט שילדקרויט און טאָמאַשעווסקי אין קאַטאָרזשינסקים „די דריי קליינע ביזנעסלייט" און פאָרט דערנאָך אַ האַלבן סעזאָן איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, וואו ער גאַסטראָלירט צוזאַמען מיט צילי אַדלער אין קאַלמאַנאָוויטשעס „דער גזלן" און „דער משוגענער", (ספּעציעל געשריבן פאַר אים). 1924-26 — האָט ז. געשפּילט אין אירווינג פּלייס טעאַטער (מענ. — ווילנער און לאָנפעלד), וואו ער איז צום צווייטן סעזאָן געווען אויך רעזשיסער פון דער טרופּע און נאָך דעמזעלבן סעזאָן געשפּילט אין ענגליש (אייניקע וואָכן אונטער א. ה. וואודס מענעדזשמענט אַלס „אייב פּאָטאַש" אין דער קאָמעדיע „פּאָטאַש און פּערלמוטער" און דערנאָך אייניקע וואָכן אין ענגלישע וואָדעוויל-הייזער דעם סקעטש „באַי וואָנטעד").

1927-29 — שפּילט ז. אין פּאָבליק טעאַטער (מענ. — לואי גאָלדבערג, אין ערשטן סעזאָן צוזאַמען מיט נייטאַן שולמאַן), און 1929-30 — אין זאַץ פאָלקס טעאַטער (מענ. — ראָווינדזשער און מאָריס ליפּשיץ).

זייט 1925 רעזשיסירט ז. אַליין אַלע פּיעסען אין וועלכע ער שפּילט און צו אַ טייל פון זיי צייכנט ער אויך די פּלענער פאַר די דעקאָראַציעס.

ז. האָט געמאַכט פיל רעקאָרדס פאַר די „וויקטאָר" און „קאָלומביאַ"-פירמעס און אין 1926 האָט ער געפילמט אין קאַלמאַנאָוויטשס „דער משוגענער".

ער האָט אויך געשריבן די ליריקס און מוזיק צו די פּיעסען „פרעמדע קליידער" פון ל. פריימאַן, „אַ מיליאָנער אויף צרות" און אַנאָנים צו פיל פּיעסען, האָט פאַרעפנטלעכט אייניקע אַרטיקלען וועגן יידיש טעאַטער און געמאָלט פּאָרטרעטן פון אייניקע אָנגעזעענע אַקטיאָרן.

ז. איז געווען אַ מיטגליד אין פאַרלאַגס-קאָמיטעט פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער".

מ. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." II, זז. 248.

ס. ל. — לודוויג זאַטץ'ס בענעפיט, „דער אַרבייטער פריינד", לאָנדאָן, 2 מאַי, 1913.

א. פרומקין — צום בענעפיט פון אַ יונגען שוישפּילער, „די אידישע וועלט", פילאַדעלפיע, 26 אָקט. 1916.

א. פרומקין — צו דעם עהרען-אָווענד פון לודוויג לאַטץ, „די אידישע וועלט", פילאַד., 21 מערץ, 1917.

אוריאל מזיק — בילדער גאַלעריע פון אונזערע אידישע שוישפּיעלער, „דער טאָג", נ. י. 19 יאַנואַר 1918.

א. טענענהאָלץ — אַ סטאַר וואָס איז ענטדעקט געוואָרען פון פּובליקום, „דיא וואַרהייט", נ. י. 4 מאַי, 1918.

א. טענענהאָלץ — פון פּשעמישל ביז גרענד טעאַטער, דאָרט, 11 מאַי, 1918.

א. טענענהאָלץ — אַדלער לעזט אויס פון גלות אַ קאָמיקער, דאָרט, 18 מאַי, 1918.

ב. גאָרין — אַ פרישע קראַפט אויף אונזער ניו־יאָרקער ביהנע, „מא״זש“, 24 יוני, 1918.

אב. קאַהאַן — יונגע טאַלאַנטען אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרוו.“, 2 אָקט., 1918.

ב. באָטווין׳יק — יונגע טאַלאַנטען אויף דער אידישער ביהנע, דאָרט, 3 אָקט., 1918.

אב. קאהאן — איז דער אידישער שוישפּיעלער לודוויג זאַץ אַ קאָמיקער? דאָרט, 9 נאָוו. 1918.

לעאָן קאָברין — אמת׳ער קאָמיזם, בוף־קאָמיזם און דראַמאַטיזם, „דער טאָג“, נ. י. 18 דעצ. 1919.

לעאָן קאָברין — דער אידיש־נאַציאָנאַלער קאָמיזם, דאָרט, 31 דעצ., 1919.

א. עפּשטיין — לודוויג זאַץ אַלס „גזלן“, „דער טאָג“, 2 מערץ 1923.

ל. פיינבערג — לודוויג זאַץ — דער שוישפּילער, „יידטג״בלט“, 16 מערץ, 1923.

ר. א. — לודוויג זאַץ אין „ליליאָם“, „טאָג“, 16 מערץ 1923.

דר. ש. מ. מלמד — לודוויג זאַץ אין פּאַלאַס טעאַטער, „אידישער קוריער“, שיקאַגאָ, 1 יוני 1923.

Charles Bamfield Hoyt—Through the Dressing Room Door, “The Official Metropolitan Guide,” Oct. 7, 1923.

טוביה שמייכעל — לודוויג זאַץ דערצעהלט וועגען די קאָמישע ראָלען, וואָס ער האָט געשפּיעלט אין לעבען, „פאָרוו.“ 22 דעצ., 1923.

טוביה שמייכעל — לודוויג זאַץ דערצעהלט וועגען די צרות וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אויף דער ביהנע, „פאָרוו.“ 5 יאַנואַר 1924.

טוביה שמייכעל — לודוויג זאַץ דערצעהלט ווי יאַקאָב פּ. אַדלער האָט איהם אונטערגעשלאָגען אַן אויג אויף דער ביהנע, דאָרט, 12 יאַנואַר, 1924.

טוביה שמייכעל — לודוויג זאַץ דערצעהלט ווי ער האָט געקראָגען זיין ערשטען דזשאָב ביי דזשייקאָב פּ. אַדלער, דאָרט, 19 יאַנואַר, 1924.

טוביה שמייכעל — לודוויג זאַץ דערצעהלט ווי דזש. פּ. אַדלער שפּיעלט איוב און ער ליידט די צרות, דאָרט, 26 יאַנואַר, 1924.

טוביה שמייכעל — לודוויג זאַץ האָט פאַרדראָסען וואָרום ער איז אַ גאַליציאַנער, דאָרט, 23 פעברואַר 1924.

שלום פּערלמוטער — לודוויג זאַץ, „די אידישע וועלט“, קליוולאַנד, 7 דעצ., 1924.

דר. א. מוקדוני — אונזערע טהעאַטער־קינסטלער, „מאז״ש“, 20 פעב., 1925.

H. Serwer—Knows European Jew, “Morning Telegram,” Aug. 16, 1925.

הלל ראָגאָף — לודוויג זאַץ׳ס פּאָוסטער, „פאָרוו.“ 4 סעפּט. 1925.

הלל ראָגאָף — רודאָלף שילדקראוט און לודוויג זאַץ, דאָרט, 2 אָקט., 1925.

מ. רינג — ביי לודוויג זאַצ׳ן אין אורווינג פּליים טעאַטער, „פריוו־הייט“, 2 אָקט., 1925.

יעקב קירשענבוים — לודוויג זאַץ אויף בראָדוויי, „אַמעריקאַנער“, נ. י., 1 יאַנואַר, 1926.

ל. קעסנער — זאַץ האָט זיך נוקם געווען, „ייד״טלבלט“, 12 פעב., 1926.

נ. פליישער — לודוויג זאַץ׳ס ערשטער אויפטריט אויף דער ענגלישער ביהנע, „די אידישע וועלט“, פילאַדעלפיע, 25 אויגוסט, 1926.

צ. ה. רובינשטיין — לודוויג זאַצ׳ס ערשטער געלונגענער אויפטריט אויף בראָדוויי נעכטען, „טאָג“, 1 סעפּטעמבער 1926.

אב. קאהאן — לודוויג זאַץ אין „פּאָטאַש און פּערלמוטער“, „פאָרוו.“, 2 סעפּטעמבער, 1926.

דר. א. מוקדוני — לודוויג זאַץ׳ס ערשטער אויפטריט אויף דער ענגלי־שער ביהנע, „מא״זש“, 2 סעפּט. 1926.

נ. בוכוואַלד — פּאָטאַש, פּערלמוטער און זאַץ, „פריהייט“, 3 סעפּט., 1926.

אַנשעל שור — לודוויג זאַץ ערקלעהרט וואָרום ער האָט פאַרלאָזט די אידישע ביהנע, „די אידישע וועלט“, פילאַד. 17 סעפּט. 1926.

A New Comedian on Broadway, “The Jewish Tribune”, N. Y. Oct. 1, 1926.

דר. י. קריטיקוס — אַ געשפּרעך מיט זאַצ׳ן און מוני וויזענפריינד׳ן אויף בראָדוויי, „אַמעריקאַנער“ 29 אָקטאָבער, 1926.

יואל סלאָנים — אַ אידישער אַקטיאָר און זיינע טרוימען „דער טאָג“ 4 דעצעמבער 1926.

דר. א. מוקדוני — „טעאַטער“, נ. י. 1926, זז. 59־153.

ה. עהרענרייך — לודוויג זאַץ דערצעהלט פאַרוואָס ער איז צוריקגעקו־מען צו דער אידישער ביהנע, „פאָרוו.“ 22 יאַנואַר 1927.

מ. מלמד — לודוויג זאַץ — אַ אידישער גזלן, „די אידישע וועלט“, פילאַדעלפיע, 25 מאַי, 1927.

צ. ה. רובינשטיין — לודוויג זאַץ אין אַ שיינער אָפּערעטע, „טאָג“ 30 סעפּט., 1927.

ז. קאָרנבלוטה — „די דראַמאַטישע קונסט“, נ. י. 1928, ז. 133.

א. פרומקין — וואָס האָט מען זיך צוגעטשעפּעט צום אידישען טעאַ־טער? — פרעגט זאַץ, „מא״זש“, 20 יאַנואַר 1928.

לודוויג זאַץ — איך און דאָס פּובליקום, „טאָג“ 10 פעב. 1928.

א. פרומקין — לודוויג זאַץ האָט אַלס קינד אָנגעהויבען זינגען אין אָפּערעס, „מא״זש“ 21 דעצ., 1928.

חיים וויינער — לודוויג זאַץ אין אַ נייער פּיעסע, „דער פאַרבאַנד“, נ. י. 60, 1929.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו „פרייע אַרבייטער שטי־מע“, נ. י. 19 אַפּריל, 15 נאָוו., 1929, 24 יאַנ., 1930.

Haynes A. Gilbert—Ludwig Satz—The Charlie Chaplin of the Yiddish Stage, “Bnei Brith” Chicago, Jan. 1931

זאַק, אבֿרהם

געבוירן 15 דעצעמבער 1891 אין אַמדור, גראָדנער גוב. פּויליש־ליטע. פאָטער — אַ לערער. ביז 15 יאָר געלערנט אין חדר, אין ישיבה און בית־המדרש, דערנאָך אַריינגע־צויגן געוואָרן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, זיך גענומען צו אַלגעמיינער בילדונג און גע־וואָרן אַן עקסטערן.

1908 — דעביוטירט מיט אַ ליד. 1909 — זיך באַזעצט אין וואַרשע, וואו ער ווערט לי־טעראַריש טעטיק. בעת דער וועלט־מלחמה פאַרוואונדעט געוואָרן אויפן פראָנט. 1916 — זיך אויפגעהאַלטן אין גראָדנע און בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אַנטוויקלט אַ ברייטע קולטורעלע טעטיקייט צוזאַמען מיט זיין חבר ליב ניידוס. 1919 — זיך באַזעצט אין וואַרשע און געוואָרן אַ רעדאַקציע־מיטגליד פון „מאָמענט“.

ז. האָט געשריבן רעצענזיעס און טעאַטער־נאָטיצן אין גראָדנער „אונזער מאָרגען“ און „אונזער ווינקעל“, אין ווילנער „לעצטע נייעס“ און אין וואַרשעווער „די יודישע טריבונע“ און האָט איבער־זעצט סטרינדבערגס „דער פאָטער“ (פ״ג „די צייט“, וואַרשע, 1922), געשפּילט דורך ל. סאָקאָלאָוו, נאָרדויס „דאָס רעכט אויף ליבע (פ׳ג „אונזער בוך“, וואַרשע, 1922), אויפגעפירט דורך אַ גראָדנער טרופּע, גאָגאָלס „חתנים“ (פ׳ג „די צייט“, וואַרשע) און האָט אָנגעשריבן „אונטער הײמישע הימלען“, פּיעסע אין דריי אַקטן (פ׳ג ה. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1926, 104 ז. 16°), וועלכע איז דעם 3 דעצעמבער 1927 אויפגעפירט געוואָרן דורכן פאַריין „האַרע־וואַניע“ אין סוואַלקער שטאָט־טעאַטער.

ש. ע.

ז. רייזען — „לעק. ייד. ליט.“, I, זז. 7־1045.

י. ב. רעצענזיעס — „ליט״בל“, וואַרשע, 122.

א. ליטוואַק — דראַמאַטישע ווערק, „ביכער־וועלט“, וואַרשע, 2, 1922.

זאַק, שעפּטל

געבוירן 27 דעצעמבער 1906 אין גראָדנע, פּויליש-ליטע. עלטערן — סוחרים. געלערנט אין אַ העברעאישער שול, דערנאָך 3 יאָר אין דער גראָדנער ישיבה. געזונגען אַלס משורר ביים חזן און אַלס כאָריסט אין יידישן טעאַטער. 1923 — אַריינגעטראָטן אין אַ טרופּע, וואו ער האָט גלייכצייטיק געזונגען אין כאָר, סופלירט. געשפּילט, געשריבן נאָטען, איבערגעשריבן פּיעסען און, האָבנדיק אַ נייגונג צו טעכנישער בינע-לייטונג, זיך גענומען לערנען צייכען. 1924 — אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע פון קדיש-חאַש, וואו ער שפּילט און איז טעכנישער לייטער ביז 1928, ווען ער טרעט אַריין אין פּוילישן מיליטער-דינסט.

ש. ע.

זאַקאָזשאַנסקי, מאיר

געבוירן 27 מערץ 1886 אין ראַסנע, מאָהילעווער געגנט, אוקראַאינע. פּאָטער — אַ וואַלד-סוחר. ז. האָט אָנגעהויבן שפּילן אין ציריך, שווייץ, אין די דאָרטיקע דראַמאַטישע קרייזן און דערנאָך געוואָרן דירעקטאָר פון וואַנדערנדיקע יידישע טרופּעס אין ציריך און פראַנקפורט ביים מיין. 1928-29 — געשפּילט אין קאָמעדיע- און אָפּערעטן-טעאַטער אין ריגע (רעזשי ש. קוטנער).

ש. ע.

זאַקס, ראָיע [?]

זאָל שטאַמען פון אָדעס. ז. האָט זיך באַטייליקט אין די ערשטע יידישע טרופּעס אין רוסלאַנד. אַ געוויסע צייט האָט זי געשפּילט צוזאַמען מיט איר מאַן, דער אַקטיאָר קויפמאַן, אונטער דער דירעקציע פון שמ״ר-שייקעוויטש.

מ. ע. פון ש. טאַבאַטשניקאָוו.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ I, ז. 234.

זאַריצקאַ, גיטל

[ליפּשיץ-זעליגער]

[געב. 1888 — געש. 12 דעצ. 1926]

געב. 1888 אין לאָדזש, פּוילן, ביי בעל-הביתישע עלטערן — בעקעריי-באַזיצער. גערנדיקט אַ 4-קלאַסיקע שול. האָבנדיק שוין אין דער שול אַ געלעגנהייט צו באַטייליקן זיך אין אַ פאָרשטעלונג, ווערט זי אַזוי באַגייסטערט פאַר טעאַטער, אַז זי טרעט שפּעטער אַריין אין אַ ליבהאָבער-גרופּע מיט וועלכער זי שפּילט אייניקע פאָרשטעלונגען אין לאָדזש. אין 1910 שפּילט זי אין ז. זילבערצווייגס ליבהאָבער-טרופּע, וואו זי אַנטוויקלט אירע פעאיגקייטן, אויסצייכנדיק זיך באַזונדערס אַלס „דאַגמאַ“ אין סוועןלאַנגעס „שמשון און דלילה“.

אין 1912 הויבט ז. אָן שפּילן פּראָפעסיאָנעל אין זאַנדבערגס גרויסן טעאַטער, און גייט דערנאָך איבער צו יוליוס אַדלערן אין סקאַלאַ.

זייט דאַמאָלט שפּילט זי אין פאַרשיידענע טרופּעס איבער פּוילן און ליטע, און אַ געוויסע צייט אונטער דער רעזשי פון דוד הערמאַן אַלס „לאה“ אין „דבוק“.

ז. האָט איבערזעצט סידניים דראַמע „די פרוי וואָס האָט דערהרגעט“.

דעם 12 דעצ. 1926 איז ז. געשטאָרבן פון טיפוס אין לאָדזש און געקומען צו איר אייביקער רו אויפן דאָרטיקן בית-עולם.

מ. ע.

יוליוס אַדלער — גיטל זאַריצקאַ, „לאָדז“טאָג“, 13 דעצ. 1926.
באַריכט פון דער לויה, „לאָדז“טאג“, 14 דעצ., 1926.
זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג“, ווילנע, 1928, זז. 3-170, 200-207.

זבאַרזשער, וועלוועל

[בנימין וואָלף עהרענקראַנץ]

[געב. אַרום 1812-1826? — געשט. 2 יוני 1883]

געבוירן [לויט זיין מצבה—1826, לויט דער J. E. — 1812, לויט פּראָפ. מ. וויסבערג — 1819, לויט דעם זבאַרזשער מעטריקע-פירער פייערשטיין — 1823] אין זבאַראַזש, מזרח-גאַליציע. פאָטער — אַ פרומער שוחט און למדן. ז. האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-יידישע דערציאונג. פון קינדווייז אָן אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיגקייטן און זעלטענעם שאַרפזין און שוין אַלס ייִנגל געקענט גוט לערנען. אונטער דער השפעה פון די השכלה-שטרעמונגען, וואָס זיינען דאַמאָלט אָנגעגאַנגען אין די שכנהשע שטעט בראָד און טאַרנאָפּאָל, האָט ז. אָנגעהויבן זיך אָפּגעבן מיט „טריף-פּסול“: בסוד געלייענט העברעאישע השכלה-ביכער און גענאַשט אַביסל פון אייראָפּעאישער בילדונג.

כדי אָפּצוריייסן אים פון אפיקורסות, האָט ז.׳ס פאָטער אים פאַרקנסט צו 18 אָדער 19 יאָר. וועגן דעם שרייבט א. ליטווין: „וועלוול איז געווען אין זבאַראַזש אַ מלמד, אָבער ניט קיין פּשוטער מלמד. ער האָט געלערנט מיט די קינדער תנ״ך מיט מענדעלזאָנס באור אין דעם „תרגום אשכנזי“ (דייטשע איבערזעצונג). אין חסידישן רבין האָט ער ניט געגלויבט און אין דער פרייער צייט פלעגט ער מאַכן אויף אים, אויפן רבין, לידלעך. דערצו איז ער געווען ניט פרום און אַלס זעלבסטשטענדיקע, שטאָלצע נאַטור, האָט ער זיך פאַרן עולם ניט שטאַרק באַהאַלטן. . . . ענדלעך האָט דאָס שטעטל ניט געקאָנט פאַרטראָגן זיין אפיקורסות, מ׳האָט אים פאַרמסרט ביים רב“, און ווייטער: „. . . וועלוול האָט חתונה געהאַט פרי, ווי גאָט און ווי גוטע און פרומע לייט האָבן געבאָטן. ער האָט גענומען אַ זבאַרזשער מיידל, אַ פרומע, אַן אָבערגלויבישע און אַן אומוויסנדע. ער איז שוין אָבער אין דער יוגנט געווען פאַרכאַפּט פון אפּיקורסישע געדאַנקען. די ווייב האָט אים ניט געקאָנט פאַרשטיין. דער לעבן איז געווען אַ צעריסענער און אין גיכן האָבן זיך די פאָר פאָלק גע׳גט. דאָס איז געווען דער פאַקט. די לעגענדע האָט זיין חתונה-האָבן אַביסל פאַרפּוצט“. לויט ד. י. זילבערבוש, האָט דאָס פאָר פאָלק זיך דוקא יאָ ליב געהאַט און זיין פרוי האָט אים אפילו געהאָלפן אין זיינע השכלה-שטרעבונגען.

ז. האָט שוין דאַמאָלט געשריבן העברעאישע שירים, אָבער, „כדי אָנצוטאָן זיין ווייבל אַ נחת-רוח, שרייבט ער אָן אויף פּראָסט יידיש אַ פאָלקס-ליד „דער חסיד און זיין ווייב“, מאַכט צו דעם ליד אַן

אייגענעם ניגון און זינגט עס מיט זיין ליבלעך קול פאַר זיין ווייבל". אין שטעטל האָט מען זיך דערפון דערוואוסט און אים אָנגעהויבן רודפן און ווען זיינע עלטערן און שווער-און-שוויגער האָבן אָנגעהויבן צושטיין, אַז דאָס פאַר פאָלק זאָל זיך גטן, איז ז., מיט דער הסכמה פון זיין פרוי, אַוועק קיין טשערנאָוויץ, וואו ער האָט געביטן זיין טראַכט און איז שפּעטער, שוין אַלס „חצי-משכיל" געקומען אין באָטאשאַן, רומעניע. דאָ זאָל ער האָבן זיך גענומען צום האַנדל „צו מאַכן רענדלעך אין מאָלדאַוויע" [לויט ז.'ס לאַנדסמאַן און ביאָגראַפער, דר. פריד, האָט ז. זיך קיינמאָל ניט אָפּגעגעבן מיט מסחר], אָבער ער האָט באַלד געפּטרט דעם מיטגעבראַכטן נדן און איז געוואָרן אַ מלמד, צוערשט אין באָטאשאַן, דערנאָך ביי אַ מאָלדעוואַנישן דאָרפס-ייד.

אין דער ערשטער צייט קאָרעספּאָנדירט ז. מיט זיין פרוי, אָבער ווען ער מוז אויפגעבן די האָפנונג „צו מאַכן רענדלעך" אין דער מאָלדאַוויע און זי אַהין אַריבערברענגען, רייסט ער איבער די קאָרעספּאָנדענץ און הייבט אָן זיך אַריינוואַרפן אין טרינקען. אַ קורצע צייט שפּעטער שטאַרבט זיין פרוי און איר טויט מאַכט אויף ז. אַ שווערן איינדרוק.

שוין פריער פלעגט ז. אָפט פאָרזינגען זיינע אייגענע שירים פאַר זיינע בעלי בתים און בני בית. איצט פלעגט ער פון צייט צו צייט זיך אַריינכאַפּן אין דער נאָנטער שטאָט באטאשאַן, און דאָ — דערציילט זילבערבוש — „זאַמלען זיך אַרום אים חברה יונגעלייט, משכילים, מ'כאַפּט זיך אַריין אין וויינשענקל און דאָרט, אין אַ חדר מיוחד, ביי אויף קוילען-געבראָטן פלייש און אַ פלאַש וויין, זינגט וועלוועל זיינע לידער".

אין אָנפאַנג האָט ז. ניט גענומען קיין געלט פאַרן זינגען. ער איז געווען צו פיינפּיליק פאַר דעם (דערהויפּט האָט עס אים פאַרדראָסן שפּעטער, ווען דאָס זינגען איז ביי אים געוואָרן אַ פּראָפעסיע — וואָס איז צו זען פון זיינע אויטאָביאָגראַפיש-באַפאַרבטע לידער „די נאַכטיגאַל" און „דער פאָלקס-דיכטער". אַ באַזונדערע פאַרשוועכונג האָט ער געזען אין קריגן באַצאָלט פאַר זינגען ה ע ב ר ע א י ש ע לידער). אָבער ביסלעכווייז איז זיין שם געוואַקסן און מען האָט אָנגעהויבן אים פאַרבעטן צו משכילישע גבירים אויף קערמעשלעך, פון וועלכע ער פלעגט צוריקקומען מיט גאָלדענע רענדלעך האָנאָראַר. אַזוי ווי דאָס מלמדות איז אים סיי ווי נמאס געוואָרן, האָט ער זיך אינגאַנצן געווידמעט דער פאָלקס-זינגעריי, בפרט אַז ער האָט געפונען אַ מיטל זיך אָפּצוטיילן פון דעם געוויינלעכן טיפּ בדחנים און פריילעך-מאַכער, זינגענדיק זיינע לידער (וועלכע ער פלעגט מערסטנס אימפּראָוויזירן) ניט נאָר אויף יידיש, נאָר אויך אויף העברעאיש, וואָס איז געווען אַ סימן פון אויפגעקלערטקייט.

לויט ז.'ס הקדמה איז זיין בוך „מקל נועם" קומט אויס, אַז ער האָט דאָס זינגען געמאַכט פאַר זיין פּראָפעסיע זייט סוף פון די 50-ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. אָבער לויט זילבערבושעס דאַטען, איז זב. שוין אין די 40-ער יאָרן אויפגעטראָטן מיט זיינע לידער און ניגונים אין באָטאשאַן. ש. ניגער באַמערקט דערצו: „עס קאָן זיין, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו קריגן מתנות און געלט פאַר זיין אַרויסטרעטן עפנטלעך מיט זיינע לידער טאַקע פריער נאָך, נאָר זיין א י י נ צ י ק ע פּראָפעסיע איז עס געוואָרן שפּעטער — אין סוף פון די פופציקער יאָרן".

שפּעטער האָט ז. דערהויפּט זיך אויפגעהאַלטן אין יאַסי, מאָלדאַוויע, פלעגט אָפט אַרומפאָרן איבער אַנדערע רומענישע שטעט און איבער דרום-רוסלאַנד, איז אומעטום געווען זייער פּאָפּולער און פלעגט אַ סך פאַרדינען מיט זיינע לידער. אָבער אַלע זיינע פאַרדינסטן פלעגט ער באַלד פאַרהוליען מיט גוטע-ברידער, אָדער סתם צעטיילן, און איז אַזוי אַרום ניט איינמאָל געווען אין מאַטעריעלער נויט.

סוף 1868 און אָנהויב 1869 האָט ז. אַרומגעוואַנדערט איבער בראָד, לעמבערג, דראָהאָביטש, טאַרנאָפּאָל און אַנדערע גאַליצישע שטעט. דעם 18 מאַי (שבועות) 1869 איז ז. געווען צוגאַסט אין זיין געבוירן-שטאָט זבאַראַזש. צו דעם דאָזיקן וויזיט האָט ער זיך געגרייט מיט בענקשאַפט און טרויער, וואָס איז צו זען פון זיין בריוו צום ברודער (פון 14 מערץ 1869). אין אַ פריערדיקן בריוו צו זיין ברודער (פון 16 פעברואַר 1869) שרייבט ער: „איך וויל זבאַראַז, מיין געבורטס אָרט, זאָל ווישן וועך איך בין אונד איך ווייסע עס גיבט יעצט דאָר[ט] מענער די מיך צו שעצן וויסן". פון זבאַראַזש איז ז. געפאָרן קיין לעמבערג, פון דאָרט [ווי ס'איז צו זען פון עוזר ראהאַטינערס אַ בריוו צו ז.'ס ברודער] קיין וואַרשע, דערנאָך קיין טשערנאָוויץ און צוריק קיין רומעניע (באַקאו).

אין 1871 איז ז. געווען אין ווין. וועגן זיין דאָרטיקן אויפהאַלט שרייבט ש. י. דאָרפזאָן: „יעדן שבת צו נאַכט, בפרט זונטאָג און טיילמאָל אויך אין דער וואָכן, האָט וועלוול זבאַרזשער זיך פּראָדוצירט און דער עולם האָט ממש די פינגער געלעקט פון זיינע נגונים. אין יאָר 1871, ווען ער איז צום צווייטן מאָל [?] געקומען אויפטרעטן אין ווין, איז זיין נאָמען שוין געווען אַזוי פּאָפּולער, אַז די יידישע רעסטאָראַציעס און אפילו קריסטלעכע שענקן פון דער יידישער געגנט פלעגן פירן צווישן זיך אַ שטאַרקע קאָנקורענץ. יעדער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן דעם טייערן גאַסט, און וועלוועל זבאַרזשער האָט, פאַרשטייט זיך, ניט צוגעלייגט צום ענין".

אין ווין האָט ז. זיך באַקענט מיטן רעדאַקטאָר פון „השחר" פּרץ סמאָלענסקין, וועלכער האָט שטאַרק געהאַלטן פון ז.'ס העברעאישע שירים און האָט דעריבער פאַר אים אויסגעווירקט ביי די ווינער יידישע גבירים, אַ מאָנאַטלעכע פּענסיע, כדי ער זאָל ניט דאַרפן זיך „אַרומשלעפּן" מיט זיינע לידלעך איבער די שענקן און רעסטאָראַנען, וואו ז. פלעגט אָפט, אין אַ ניט-ניכטערן צושטאַנד, פאַרברענגען אין אַן אונטערוועלט-חברותא. אָבער ז.'ן האָט געצויגן צו די ווינקעלערס און קאַפע-הייזער, וואו עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען זיינע חסידים און פריינט. האָבן די מעצענאַטן צוריקגעצויגן זייער אונטערשטיצונג, און ז. איז „פאַר שכרות און אומאַנשטענדיקער אויפירונג" אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ווין.

לויט י. טיגער — „איז וועלוועל זבאַרזשער אַרויסגעטריבן געוואָרן פון ווין דערפאַר, ווייל ער האָט געשריבן אַ העברעאישן שיר לכבוד דעם עסטרייכישן קייזער פראַנץ יאָזעף. דעם שיר האָט וועלוול געשיקט אין דער קייזערלעכער קאַבינעט-קאַנצעלאַריע און פון דאָרטן אויס האָט מען זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם מחבר, כדי אים, ווי עס איז דאָרט געווען דער מנהג, צו שיקן אַ קייזערלעכן דאַנק-בריוו און עטלעכע פלאָרין אַלס מתנה . . . ניט קאָנענדיק אָבער געפינען וועלוועלס אַדרעס, האָט מען דעם אַקט איבערגעגעבן צו דער ווינער פּאָליציי זי זאָל אויספאָרשן דעם מחבר. נאָך אַ לאַנגער חקירה ודרישה האָט די פּאָליציי וועלוולען אויסגעפונען און פעסטגעשטעלט, אַז ער האָט ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ און וואַלגערט זיך אַרום אַ שכורער אין שענקלעך. מיט איין האַנט האָט מען אים געגעבן דעם קייזערלעכן דאַנק-בריוו און די עטלעכע גולדן, און מיט דער צווייטער האַנט האָט מען אים פאַרטריבן פון דער קייזערלעכער רעזידענץ-שטאָט ווין . . . "

ז. אַליין דערמאָנט ניט אין ערגעץ וועגן דער גאַנצער פּאַסירונג. אין אַ שפּעטערדיקן בריוו צו זיין ברודער פאַרענטפערט ער נאָר זיין יאָר שוויגן דערמיט, וואָס ער איז 9 חדשים געלעגן קראַנק אין ווין.

אין יאַנואַר 1872 טרעפן מיר ז. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין אויגוסט 1873 איז ער ווידער אין לעמבערג און אין די זומער-חדשים 1875 אין רומעניע.

אין 1874 האָט ז. אָפּגעדרוקט אין „השחר" זיין „רומניה" (אַ פּראָטעסט-פּאָעמע קעגן די רדיפות אויף די דאָרטיקע יידן), וואָס איז אַ יאָר שפּעטער דערשינען אין אַ סעפּעראַט-אָפּדרוק. אַזוי ווי ז. האָט אין דער פּאָעמע אויך שאַרף קריטיקירט די דאָרטיקע יידישע פּאַטריאָטן, און איז אַ חוץ דעם עפנטלעך אַרויסגעטראָטן קעגן זיי, האָט מען אים געוואָרנט, אַז זיי גרייטן זיך אים מסרן און מען וועט אים דערפאַר שטרענג באַשטראָפן, אַנטלויפט ער קיין טולטשאַ (טערקיי) און פון דאָרט שרייבט ער (דעם 25 אַפּריל 1875) צו זיין פריינט משה אָרענשטיין: „און אַ צינד ווייס, מיין פריינט, אַז מיין פוס קאָן מער ניט באַטרעטן די רומענישע ערד ווייל איך האָב מורא. פון דאַנעט פאָר איך באַלד קיין רוסלאַנד". אַרויסגעשטעלט האָט זיך אָבער, אַז קיינער האָט אים ניט געמסרט. ער איז באַלד צוריקגעקומען אין רומעניע. אין 1878 איז ז. ווידער אין גאַליציע (לעמבערג, טאַרנאָפּאָל, קאָלאָמיי א. א. וו.). פון דאַנען פאָרט ז. ווידער קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ער האָט חתונה מיט זיין צווייטער פרוי, „די שיינע מלכהלע", די אייגנטימערין פון דעם קאַפע-הויז, וואו ז. איז געוועזן אָפטער אַריינגייער, און וועלכע ער האָט, ווייזט אויס, געקענט נאָך פון רומעניע.

א. ליטווין גיט איבער אין נאָמען פון אַ בראָדער זקן, פּערלמאַן: „די העלדין פון וועלוועלס לעצטן ראָמאַן [איז] געוועזן אַ געבילדעטע און רייכע פרוי, מלכהלע, אַ געוועזענע נייטאָרין פון בוקאַרעסט. זי האָט אים געגעבן אַ פּאָר טויזנט רענדלעך נדן און ער וואָלט אייגנטלעך געקאָנט רואיק אָפּלעבן זיינע יאָרן, ער האָט אָבער אַרומגעוואַנדערט ביז צום סוף פון זיין לעבן. אין זיינע לעצטע יאָרן, ווען זיין אייגענע שטים איז שוין שוואַכער געוואָרן, האָט ער ווי זיין פאָרגענגער בערל בראָדער, צוגעבריכט אַן אונטערהעלפער. שלמה האָט ער געהייסן. ער איז געוועזן אַ גוטער טענאָר, נאָר ער האָט געהאַט אַ קרומען פיסק. פון וועלוועלען, זאָגט מען, איז געבליבן אַ צואה, וועלכע ער האָט געהייסן עפנען אין 50 יאָר אַרום נאָך זיין טויט".

דעם 2 יוני 1883 איז ז. געשטאָרבן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל פון אַ לונגען-אַנטצינדונג.

י. טיגער שרייבט: „עד היום גייען אַרום קלאַנגען, אַז וועלוועל זבאַרזשער איז ניט געשטאָרבן מיט קיין נאַטירלעכן טויט. נאָך אַ שאַרפן סכסוך מיט אַ טרופּע „בראָדערזינגער", וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטן אין סטאַמבול, האָט מען זיך כלומרשט איבערגעבעטן און געטרונקען אַ כוסה נאָך אַ כוסה, בשעת וואָס וועלוועל איז פון זיינע שונאים פאַרגיפטעט געוואָרן" [פאַרגלייך ענלעכע ווערסיע, אין „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" זייט 224, בנוגע בערל בראָדערס טויט].

אויף ז.'ס קבר האָט זיין צווייטע פרוי, מלכהלע, געלאָזט אויפשטעלן אַ מצבה, אויף וועלכער עס איז אויסגעקריצט פאָלגענדיקער אַקראָסטיכאָן אין העברעאיש:

„פ'נ.

המליץ המפואר ר' בנימין זאב בר' משה עהרענקראַנץ

בשפה העבריה עוז ותפארת הגברת
נועם שיריך ילכדו את כל הלבבות
ירדת ממרום לדלת העם חשכו הארת
משוט לשונך נוכלים הוכו לרבבות
נטעי נעמנים הלא המה כל ספריך
זכרונך הטוב לדור עד ישאר
אצלח מרוחך על קוראי דבריך
באור החיים עתה גורלך האר

נאסף אל עמו ביום כו לירח אייר,

שנת התרמ"ג לפ"ק

געבאָרען זבאַרזש (גאַליציען) 1826

געשטאָרבען 2 יוני 1883."

אַרום ז.'ן האָבן זיך אויסגעוועבט גאַנצע לעגענדעס. זיין שאַרפזיניגקייט ווערן צוגעשריבן אַ סך גלייכווערטלעך. ער איז אויך דער העלד פון אַנעקדאָטן, וואָס שילדערן אים אַלס וויצלינג און לעבע-יונג. ז. רייזען ציטירט דר. סאָטעקס מיטיילונג: „ער האָט ליב געהאַט דעם טרונק, ס'זאָל ניט אויסגערעדט זיין, און נאָך עפּעס . . . ער פלעגט טראָגן אַ הויכן צילינדער און די באָרד געגאָלט און איז געוועזן שטאַרק צעוואַקסן . . . " יעקב גראָפּער שרייבט: „ער האָט געווירקט אויפקלערעריש אויפן פאָלק און צוגעגרייט אין אַ געוויסער מאָס דעם באָדן פאַר גאָלדפאַדענס ווערק — דעם יידישן טעאַטער . . . ער איז געוועזן דער אליקום צונזער פון יענע קאַנטן און אַ לערער פון זיין דור. אַ שאָד נאָר וואָס זיין לייבטזיניקע פּערזענלעכע אויפירונג האָט ניט געשטימט מיט זיינע ליטעראַרישע און קולטורעלע שאַפונגען. דאָס האָט טאָקע שטאַרק געשטערט זיין פּרעסטיזש אַלס קינסטלער און אַלס מענטש, בפרט אין יענע צייטן פון צניעותדיקייט און באַשיידענע מנהגים . . . " [לויט ז. רייזען].

ז.'ס ערשטע לידער-זאַמלונג איז דערשינען אין העברעאיש: — „חזון למועד" (יאַסי 1855). ערשט 10 יאָר שפּעטער איז אַרויס זיין ערשטע יידישע לידער-זאַמלונג. „זיין אַמביציע — שרייבט ש. ניגער — איז געוועזן צו זיין אַ העברעאישער דיכטער און הגם ער האָט יידיש ליב געהאַט, האָט ער, ווי אַלע משכילים, געהאַלטן די דאָזיקע שפּראַך פאַר אַ וואָכעדיק פּראָסט לשון, און שפּעטער ווען ער האָט אַרויסגעגעבן זיינע יידישע לידער, האָט ער זיי געדרוקט מיט אַ פּאַראַלעלער העברעאישער איבערזעצונג, מיט העברעאישע הקדמות און געגעבן זיינע אַלע זאַמלונגען העברעאישע טיטלען."

דיזאָזיקע זאַמלונגען זיינען אַרויס אין 4 טיילן אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „מקל נועם—כולל שירי עם (פאָלקס לידער) בלשון המדוברת בין היהודים בארצות פולין ומאלדויא עם העתקת לשון עברית" [ערשט העפט—ווין 1865, 2-טע אויסגאַבע—לעמבערג 1869, צווייט העפט—לעמבערג 1869, דריט העפט—„מקל נועם (החדש)", לעמבערג 1873, פערט העפט — לעמבערג 1878]. אין 1869 איז אויך דערשינען (אויף יידיש און העברעאיש) אין „פּערעמישלע" [פּשעמישל] ז.'ס סאַטירישע פּאָעמע (מאָנאָלאָגן) „מקל חובלים", וואָס באַהאַנדלט די אין זיין צייט סענסאַציאָנעלע געשיכטע פון דעם ריזשינער רבי, וועלכער זאָל זיין געוואָרן אַן אפּיקורס.

אייניקע פון ז.'ס לידער זיינען געדרוקט אַנאָנים („דער באַנקראָט", „דער אונצופרידענער" א. א. — אין די אויסגאַבעס פון דעם וואַרשעווער דרוקער ל. מאָרגענשטערן). דר. סאָטעק האָט אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון זיינע לידער אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע (בראַאילאַ 1902). ז.'ס סאַטירעס „משיחס צייטן" און „דער חסיד איבער טעאַטער" זיינען איבערזעצט אויף אוקראַאיניש פון דעם באַרימטן אוקראַאינישן דיכטער איוואַן פראַנקאָ.

אין דער הקדמה צו זיינע ווערק שרייבט ז. (לויט ש. ניגער): „די אַלע . . . לידער זיינען יאָרן-לאַנג געזונגען געוואָרן אויסווייניק, און זיי זיינען ניט געווען געדרוקט. דער פאַרפאַסער האָט זיי אפשר גאָרניט געוואָלט דרוקן. ער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל

זיי הערן פון זיין מויל, אָבער ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ניט נאָר ער אַליין טרעט אַרויס מיט די לידער פאַרן עולם, אויך אַנדערע זינגער נעמען זיי אַריין אין זייער „רעפּערטואַר". דערביי פּאַסירט זייער אָפט, אַז זיי פאַרגרייזן און פאַרדרייען דעם אמתן זין פון די לידער. און נאָך ערגער: ווען ער קומט אין אַ שטאָט, וואו מען קען אים ניט, און ער נעמט דאָרט זינגען זיינע לידער, זאָגט מען אים, אַז ער פּוצט זיך אין פרעמדע פעדערן, וואָרום זיי האָבן געהערט די לידער פון אַן אַנדערן."

ש. ניגער כאַראַקטעריזירט אַזוי ז.'ס שאַפן: „. . . זיין העברעאיש איז געווען איינפאַך און קלאָר. ווען מען דערמאָנט זיך אָן דער מליצה, וואָס איז דאַן געווען אַזוי שטאַרק אין דער מאָדע ביי די משוררים-משכילים, מוז מען זאָגן, אַז עהרענקראַנצ'ס העברעאישע שירים זיינען באמת געווען אַ שריט פאָראויס אויפן וועג פון דער פאַראיינפאַכונג און מאָדערניזירונג פון דעם העברעאישן סגנון. . . . די באַדייטונג פון וועלוועל זבאַרזשער און די ווירקונג, וואָס ער האָט געהאַט, שטאַמט פון זיינע יידישע, ניט פון זיינע העברעאישע שירים . . . "

„ז. איז איינער פון די ערשטע יידישע פאָלקסדיכטער בכלל און דער באַדייטנדסטער צווישן די פאָלקסדיכטער-בדחנים, אויף וועלכע זיין ווירקונג איז געווען זייער גרויס. אין פיל פון זיינע לידער געפינען אַן אָפּקלאַנג די אידעאַלן פון דער השכלה; ער קעמפט אין זיי קעגן דער אומוויסנהייט און איינגלויבעניש, קעגן די חסידים און גוטע יידן, קעגן דער פאַלשער פרומקייט. אין זיינע אַנטי-חסידישע לידער איז בכלל ניטאָ קיין פאַרביטערטקייט און ניט אומזיסט רופט ער זיינע לידער „מקל נועם" — ער שלאָגט מיט רחמנות. מיט דער הילף פון אַ פיינעם הומאָר, פון אַ בילדלעכער, קערנדיקער שפּראַך, ווי אויך מיט דער הילף פון זיינע פאָלקסטימלעכע מעלאָדיעס, האָט ער באַוויזן דורכצושמוגלען זיינע אַנטי-חסידישע טענדענצן און ניט צו פאַרשוועכן דערביי די רעליגיעזע געפילן פון זיינע צוהערער, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי איז געשטאַנען זייער נאָנט צו די חסידישע קרייזן. בכלל האָט ז. און די זינגער, וועלכע פלעגן זינגען זיינע לידער, פּראַקטיש מער אויפגעטאָן צווישן די מאַסן פאַר די אידעען פון אויפקלערונג און פאַרוועלטלעכונג ווי די משכילישע אָפּיציאָזן. ווי גרויס עס האָט געמוזט זיין די השפעה פון ז. אויפן גייסטיקן לעבן פון די יידישע פאָלקסשיכטן, באַווייזט ניט נאָר די אומגעהויערע פאַרשפּרייטונג פון זיינע לידער, נאָר אויך דער פאַקט, אַז מ'פלעגט פּאָפּולערע לידלעך ז.'ס אַריינפלעכטן ווי אינטערמעדיע-געזאַנגען אין טעקסטן פון די טראַדיציאָנעלע פּורים-שפּילער. . . . די שפּראַך ז.'ס איז ריין יידיש און פאָלקסטימלעך; געברויכנדיק אַמאָל אַ צו עכטן יידישן אויסדרוק, דערקלערט ער אים אונטערן טעקסט. דער משקל אין זיינע לידער איז אפילו ניט אויסגעהאַלטן, אָבער דאָך באַזיצן זיי דעם ריטם פון דעם יידישן פאָלקסליד. . . . אַ ריי פון ז.'ס לידער ווערן עד-היום געזונגען אַלס פאָלקס-לידער ווי „דער באַנקראָט", „דער פילאָזאָף", „דער רבי אויפן ים" און ניט נאָר אין גאַליציע און רומעניע, נאָר אפילו אין פּוילן און רוסלאַנד, וואו ז. איז בכלל געווען אַ סך ווייניקער באַקאַנט" [רייזענס „לעקסיקאָן"].

הגם ס'איז באַוואוסט אַז ז. פלעגט כמעט איבעראַל אַליין אַרויסטרעטן, גיבן אָן מערערע בראָדערזינגער, אַז זיי האָבן געזונגען צוזאַמען מיט ז. זיכער אָבער איז, אַז ז.'ס לידער זיינען, צוגלייך מיט די לידער פון בערל בראָדער, געווען דער ערשטער „רעפּערטואַר", וואָס די בראָדערזינגער האָבן געזונגען און פאָרגעשטעלט אין די שענקן און איינפאָר-הייזער.

ב. גאָרין שרייבט: „דער גנב" איז אַ ליד, וואָס איז געשריבן געוואָרן פון דעם באַוואוסטן פאָלקס-דיכטער וועלוועל זבאַרזשער (עהרענקראַנץ). אַ קאָמפּאַניע זינגער האָבן גענומען דאָס ליד און צוגעגעבן דערצו אַ סצענקע. אַ ייד זיצט אויפן בעט און לייענט קריאת שמע און ווען ער לייגט זיך שלאָפן, קומט אַריין אַ גנב דורכן פענסטער און פּאַקט איין די זאַכן. דער ייד כאַפּט זיך אויף פון דעם גערויש און מאַכט אַ גוואַלד. דער גנב אַנטלויפט, נאָר מען כאַפּט אים און ווען דער פּאָליסמאַן [פּאָליציי־מאַן] פירט אים אַריין צוריק אין שטוב שטעלט זיך דער גנב זינגען דאָס ליד „דער גנב"."

א. ליטווין שילדערט ז.'ס אימפּראָוויזאַציעס אַזוי: „וועלוועל זבאַרזשער איז געווען אַ שיינער יונג, אַ העלד. ער איז תמיד געגאַנגען נעט געקליידעט: אין אַ שוואַרצן וויזיט-ראָק, אין אַ ווייסע געפּרעסטע העמד, אין אַ צילינדער, אין האַנדשו. קיין פאָרשטעלונגען פון זיינע לידער האָט ער קיינמאָל ניט געמאַכט. קיין מימיק, קיין דראַמאַטישע עפעקטן — קיינמאָל ניט געברויכט. ער איז געשטאַנען ביי אַ טישל און האָט זיינע, אויפן אָרט פאַרפאַסטע לידער, דעקלאַמירט אָדער געזונגען. אויפן טישל האָבן געמוזט שטיין צוויי ליכט און אַ פלאַש וויין. זאָגנדיק, אָדער זינגענדיק זיינע לידער, פלעגט ער אָפט גיסן אין זיך דעם וויין אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז. שכור איז וועלוועל קיינמאָל ניט געווען. ער האָט געקאָנט טרינקען. . . . די קאָמפּאַניע, אין וועלכער וועלוועל זבאַרזשער האָט זיך תמיד געפונען, איז אין איר גייסטיקער און מאָראַלישער אַנטוויקלונג געשטאַנען אַ סך נידריקער פון דעם דיכטער. דאָס זיינען געווען, דאָס רוב, יידישע סוחרים פונם נייעמאָדישן שניט. פון אמתער השכלה האָבן זיי ווייניק וואָס געהאַלטן און געוואוסט. זיי האָבן אויפגענומען איר אויבערפלעכלעכן גלאַנץ און ניט איר תוך. די פראַגן פונם יידישן לעבן האָבן זיי ווייניק אינטערעסירט. . . . דער דיכטער האָט זיך געפילט איינזאַם אין זייער קרייז, זייער וועלט איז געווען פרעמד זיינער. . . . זיין ליד האָט ער קיינמאָל ניט לאַנג פאַרטראַכט. אי די ווערטער, אי דעם ניגון, האָט ער כמעט שטענדיק פאַרפאַסט אויפן אָרט, אָן שום הכנות. און וואָס מער ער האָט אין זיך געגאָסן וויין, אַלץ שטאַרקער, אַלץ געפילפולער האָט געשטראָמט פון זיין ברוסט זיין ליד. און דאָך איז די טעמע פון זיין ליד קיינמאָל ניט געווען קיין צופעליקע. יעדע טעמע איז געווען אַן אָנגעווייטאָגטע פראַגע פונם יידישן, פונם אַלגעמיינעם לעבן. זיין ליד איז געווען אָדער אַ שאַרפע, בייסנדע סאַטירע אָדער אַ טיפע עלעגיע. . . . זיינע לידער זיינען געווויינלעך זייער לאַנגע און דאָך האָבן די צוהערער מיט געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט געהאָרכט דעם דיכטער, האָבן אים ממש פאַרגעטערט. אַזאַ קראַפט האָט ער באַזעסן אי אין זיין טאַלאַנט, אי אין זיין פּערזאָן".

ד. י. זילבערבוש דערציילט: „אים יאָר תרלח [1878-79] איז וועלוועל געווען אין קאָלאָמיי און איך האָב אים געהערט זינגען. ווען אַלע צוהערער האָבן זיך געקויקלט פאַר לאַכן, איז זיין פּנים געווען גלאַט, רואיק. נאָר איבער זיינע ליפּן האָט געשוועבט אַ לייכטער שמייכל. ער איז שוין דאַמאָלט געווען קרוב צו ששים. אָבער זיינע אויגן האָבן געלייכט ווי ביי אַ יונג אומשולדיק בחורל".

י. טיגער שרייבט: „ווי עס גיבן מיר איבער פּערזאָנען, וועלכע האָבן פּערזענלעך געקענט וועלוועל זבאַרזשער, האָט ער פאַרמאָגט אַ שיינע באַריטאָן-שטים, וועלכע האָט געקאָנט דערגרייכן אפילו אַ הויכע לאַגע".

פון די 39 בריוו (פון 14 דעצעמבער 1868 ביז 28 אָקטאָבער 1878) פון ז. צו זיין ברודער מאיר, וועלכע דר. בערנהאַרד וואַכשטיין האָט פאַרעפנטלעכט אין צווייטן באַנד פון „פילאָלאָגישע שריפטן", אַרויסגעגעבן פון „ייוו"א" (ווילנע, 1928, זז. 42-1) [2 פון די דאָזיקע בריוו

זיינען אייגנטלעך ניט געשריבן פון ז., נאָר פון זיין אינטימען פריינט עוזר ראַהאַטינער וועגן ז.'ס ענינים] איז צו זען, אַז ז. האָט זייער ליב געהאַט זיין משפחה און פלעגט זי אויך כסדר אונטערשטיצן.

אין זיין איינלייטונג צו די בריוו באַמערקט דר. וואכשטיין: „. . . די שפּראַך איז דאָ גאַנץ אַנדערש ווי זיין „מקל נועם". זיין ליטעראַטור־שפּראַך איז ריין יידיש און דוקא אַזוי ווי מען רעדט אין גאַליציע. אַ דייטש וואָרט געפינט זיך נאָר דאָרט, וואו ס'פעלט אוים אַ יידיש וואָרט צום גראַם. דאָס לשון פון די בריוו איז ווי פון אַ וואוילקענעוודיקן. . . . דאָס לשון איז אַ מישעכץ פון יידיש, דייטש און העברעאיש. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז וועלוועלע, דער גרויסער בעל לשון, האָט אין העברעאיש פיל יידישיזמען. כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין נאַטור איז, וואָס ער באַנוצט די העברעאישע שפּראַך נאָר צו יום טובדיקע זאַכנס, צו די פּראָסטע זאַכנס געברויכט ער נאָר זיין יידישע שפּראַך."

אין די אַלע בריוו דערמאָנט נישט ז. קיין איין מאָל מיט וואָס אָדער ווי אַזוי ער טרעט אַרוים אַלס פאָלקס־זינגער — אַ חוץ קליינע באַמערקונגען וועגן דעם, אַז מען נעמט אים אויף גוט אָדער שלעכט. באַמערקונגען וועגן זיין אויפטרעטן און אימפּראָוויזירן זאָלן זיך געפינען אין די בריוו פון ז. צו זיין פריינט משה ארענשטיין [פון יאָר 1873-77], וועלכע י. טיגער גרייט צו צום פאַרעפנטלעכן.

אַ פולשטענדיקע אויסגאַבע פון ז.'ס ווערק אין יידיש ווערט איצט צוגעגרייט דורך זלמן רייזען.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." II, 832-840.
ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." I, זז. 146-147.

דר. בערנהאַרד וואכשטיין — וועלוועלע זבאַרזשערס בריוו צו זיין ברודער מאיר, „פילאָלאָגישע שריפטן", ווילנע, 1928 — זז. 1-42.

דר. ב. וואכשטיין — צו: וועלוועלע זבאַרזשערס בריוו צו זיין ברודער מאיר, „פילאָלאָגישע שריפטן", ווילנע, 1929, זז. 608-609.

דר. יעקב שאַצקי — רעצענזיעס, „פנקס", באַנד 1, העפט 4, ניו־יאָרק, 1928, ז. 398.

י. טיגער — דער גורל פון אַ אידישען פאָלקס־זינגער, „מא"זש", נ. י. 5 מאַי 1929.

משה גראָס — אויף די וועגען פון וועלוועלע זבאַרזשער און אברהם גאָלדפאַדען, „טאָג", נ. י. 9 אויגוסט 1930.

זוסמאַן, יוסף־אבא

געבוירן 10 אויגוסט 1878 אין בראָדי, גאַליציע. ביז 14 יאָר געלערנט אין חדר און גלייכצייטיק אין אַ פאָלקס־שול, דערנאָך געוואָרן אַ סטאָלער. צו 15 יאָר פאַרלאָזט די היים און געוואַנדערט איבער אייראָפּע, ביז ער קומט אין 1893 אין אַמעריקע.

1906 — אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט.

ז. האָט אָנגעשריבן „די האַנט פון שיקזאַל", אַ דראַמע פון יידישן לעבן אין קאַנאַדע (אויפגעפירט אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט־טעאַטער) און „ווען מתים ליבן זיך", סאַטירע (אויפגעפ. אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט־טעאַטער).

ז. איז אַ רעדאַקציע־מיטגליד אין פילאַדעלפיער „די אידישע וועלט", וואו ער שרייבט אויך טעאַטער־רעצענזיעס און וועגן טעאַטער־ענינים.

ש. ע.

ז. רייזען — „לעק. ייד. ליט." I, זז. 1061-2.

זוסקין, בנימין

געבוירן 28 יוני 1899 אין פּאָניעוויעזש, ליטע. פאָטער — אַ שניידער. געענדיקט רעאַל־שול און שטודירט אין דער מאָסקווער באַרג־אַקאַדעמיע. פון דער פריסטער יוגנט זיך אינטערעסירט מיטן יידישן טעאַטער. אין 1921 אַריינגעטראָטן אין דער סטודיע פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער און דאָרט דעביוטירט דעם 24 סעפּטעמבער 1921.

ווען די סטודיע ווערט פאַרוואַנדלט אין „מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער" גייט ז. איבער אויטאָמאַטיש אין פּערסאָנאַל פון דעם טעאַטער און באַטייליקט זיך אויך אין טורנע פון דער טרופּע איבער מערב־אייראָפּע.

ז. האָט זיך אויך באַטייליקט אין פילם „יידישע גליקן" לויט שלום־עליכם.

ז. איז אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד און דער סעקרעטער פון דער טרופּע.

ש. ע.

מ. ליטוואַקאָוו — „פינף יאָר מלוכישער יידישער קאַמער־טעאַטער", מאָסקווע, 1924.

אַלעקסאַנדער גראַנאַך — גראַנאָווסקי, מיכאעלס און זוסקין — אַ יישר כח אייך!, „ליט"בל", 20, 1928.

זיבעל, נחמן

געבוירן 1890 אין בערדיטשעוו, אוקראַאינע, אַלס בן־יחיד פון בעל־הביתישע עלטערן. געלערנט אין חדר, געענדיקט די 2־קלאַסיקע יידישע רעגירונגס־שול און געלערנט פּריוואַט ביי אַ לערער. נאָך אַלס קינד פון 9 יאָר „געמאַכט אַ טעאַטער" מיט די קינדער־חברים און צו 14 יאָר מיטגעהאָלפן אָרגאַניזירן אַ „ליבהאָבער"־קרייז, וועלכער פירט אויף א"ר פון אַקטיאָר עדעלמאַן ריכטערס „הערצעלע מיוחס", גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר" און אַנדערע פיעסען, אין וועלכע ז. שפילט די הויפּט־ראָלן. שפּעטער טרעט ז. אַריין אַלס משורר צום שטאָטישן חזן און באַטייליקט זיך דערנאָך אין כאָר ביי דער דאָרטיקער אָפּטיילונג פון דער פּעטערבורגער יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט. נאָכן זינגען אַ קורצע צייט אין כאָר ביי פישזאָן אין קעשעניעוו, פאָרט ער אָפּ קיין ארץ־ישראל, וואו ער אַרבעט אַלס חלוץ 4 חדשים אין פּתח־תקוה, און נאָך זיין קראַנקהייט אויף מאַלאַריע אָרדנט ער איין (מיט נאָך אַ חבר) אַ ליטעראַרישן אָוונט אויף יידיש, נישט געקוקט אויף די שטערונגען פון די העברעאיש־„פּאַטריאָטן". אין סוף 1914 אָרדנט ז. איין אין יפו אַ יידישע פאָרשטעלונג פון סקריבס „זשידאָווקאַ" („די יידין"). צוליב דער מלחמה ווערט ז. אַרויסגעשיקט קיין עגיפּטען. פון דאָרט פאָרט ער קיין רוסלאַנד און טרעט אַריין אין קיעוו אין גוזיקס טרופּע, וואו ער שפּילט 9 חדשים דעם יידישן רעפּערטואַר אויף רוסיש (צוליבן פאַרווער אויף יידיש), דערנאָך שפּילט ער אַ קורצע צייט יידיש מיט קאָריק אין כערסאָן, שפּעטער מיט סאָניאַ נאַטאַנסאָן, מיט בעזמאַן, מיט אַ קאָאָפּעראַטיווער טרופּע אין האָמעל א"פ פון משה ליפמאַן און מיט פאַרשיידענע וואַנדער־טרופּעס. אין 1920 פאָרט ז. קיין רומעניע, וואו

ער שפּילט 2 יאָר אין דאָרטיקע יידישע טרופּעס, עמיגרירט דער־
נאָך קיין א״י און טרעט אריין אין דאָרטיקן העבּרעאישן טעאַטער,
וואו ער פירט אויף, צום ערשטן מאָל אין העבּרעאיש, גאָלדפאַדענס
„בר כוכבא“ (איבערז. פון בן־ציון ידידיה) און „קוני לעמעל“.

ש. ע.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאַרהאַנג“, ווילנע, 1928, ז. 145.

זיבעל, עלאַ

געב. 16 מאַי 1897 אין ניו־יאָרק, אַמעריקע, עלטערן־יידישע אַקטיאָרן. נאָך אַלס קינד פאָרט זי מיט איר מוטער קיין אייראָפּע, וואו זי לערנט אין אַ פּוילישער שול אין לעמבערג. אין עלטער פון 10 יאָר קומט זי צוריק קיין ניו־יאָרק, און לערנט דאָ אין פּאַבליק־סקול.

אין 1911 טרעט ז. אריין צו אַגעדן אין יידישן וואָדעוויל, דערנאָך פאָרט זי מיט אַ טרופּע שפּילן לעגיטים טעאַטער אין מאָנטרעאַל, וואו זי טרעט אויף אַלס „סערעלע“ אין שאָרס אָפּערעטע „אַ מענטש זאָל מען זיין“, און שפּילט דאָרט 2 יאָר. דערנאָך שפּילט זי אין ברוקלין, ניו־יאָרק, דאַן פאָרט זי ווידער מיט דער מוטער קיין גאַליציע. פון דאָרט ווערט זי אַנגאַזשירט קיין לאָנדאָן, נאָר צוליבן אויסבראָך פון דער מלחמה באַוויזט זי בלויז אָנצוקומען קיין בערלין, וואו זי שפּילט 4 חדשים. דערנאָך פאָרט זי צוריק קיין אַמעריקע, וואו זי שפּילט 6 חדשים אין ענגלישן וואָדעוויל, שפּעטער אין קליוולאַנדער יידישן טעאַטער און אונטער דער דירעקציע פון איר מוטער און וואָלערשטיין אין ליריק טעאַטער, בראָנזוויל, אין שיקאַגאָ און פילאַדעלפיע אונטער שוואַרצס רעזשי, דאַן צוזאַמען מיט שוואַרצן אין אורווינג־פּליים אין ניו־יאָרק, אין ליריק אין בראָנזוויל, אויף בראָדוויי אונטער טאָמאַשעווסקיס דירעקציע, אין האָפּקינסאָן, אַמפּיאָן, און אין 1926 אין ניישאַנאַל־טעאַטער. 1928 שפּילט ז. אַ קורצע צייט מיט געבילן בעת זיינע גאַסטראָלן אין שיקאַגאָ און אין דער פּראָווינץ. אין 1929 שפּילט ז. אין האָפּקינסאָן־טעאַטער און 1929־30 אין ניישאַנאַל טעאַטער.

מ. ע.

זיבעל, פרידאַ

[זשאַרטאָווסקי]

געב. 27 דעצ. 1877 אין לעמבערג, גאַליציע. אין עלטער פון 13 יאָר אָנגעהויבן זינגען אין כאָר פון דער לעמבערגער פּוילישער אָפּערע, וואו זי זינגט 3 יאָר, דאַן ווערט זי אַנגאַזשירט צו גימפּעלן אין יידישן טעאַטער. איר ערשטער אויפטריט איז אַלס „דלילה“ אין דער אָפּערעטע „שמשון הגבור“. אירע שפּעטערדיקע ארויסטריטן אין בערלין האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער דייטשער פּרעסע.

אין 1894 קומט דער אַקטיאָר צוויבל קיין לעמבערג, האָט חתונה מיט ז. און נעמט זי מיט קיין אַמעריקע, וואו זיי שפּילן אין ווינדזאָר־טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון טאָמאַשעווסקי און פינקל.

איר ערשטער אויפטריט אין ניו־יאָרק איז געווען אין „אחשורוש“ אַלס „אסתר המלכה“.

נאָכן שפּילן 3 יאָר אין אַמעריקע, איז זי מיט איר מאַן געפאָרן קיין אייראָפּע און ווען ער שטאַרבט דאָרט, בלייבט זי איניקע יאָר שפּילן אין גאַליציע.

נאכדעם האָט אַדלער זי ווידער געבראַכט קיין אַמעריקע, וואו זי טרעט אויף אין גרענד־טעאַטער.

אין 1906 האָט ז. חתונה מיטן אַקטיאָר לייזער גאָלדשטיין מיט וועלכן זי שפּילט זייט דאַן אין פאַרשיידענע טרופּעס. אין 1926 שפּילט ז. אין עלווינגס טעאַטער אין נוארק.

ז. האָט אַ טאָכטער, עלאַ, און אַ שוועסטער, עלאַ וואָלערשטיין, וואָס שפּילן אויף דער יידישער בינע. די פאַרשטאָרבענע אַקטריסע העלענאַ געשפּאַס איז געווען ז.׳ס אַ שוועסטער.

מ. ע.

זיגלער, מאָריץ

[משה בעלזער]

געבוירן 1879 אין יאַסי, רומעניע. געלערנט אין דער שטאַטישער יידישער שול און געזונגען אַלס סאָפּראַן אין טעמפּל, פון וואַנען מאָגולעסקאָ שטעלט צונויף דעם כאָר פאַר זיין טרופּע. דאָס טעאַטער־שפּילן מאַכט אויף ז. אַן אומגעהויערן רושם — נעמט ער צוזאַמען איניקע חברים (סעם ראָזענשטיין, יאָסעלע שערמאַן א. א.) און פירט אויף מיט זיי גאָלדפאַדענס „אחשורוש“, שפּילנדיק אַליין די ראָל „אסתר“. ז. פאָרט דערנאָך קיין פאַלטיטשען און טרעט דאָרט אַריין אין סעגאַלעסקאָס טרופּע. אַ קורצע צייט שפּעטער גייט ז. איבער אין אַקסעלראָדס טרופּע אין יאַסער פּאָמול ווערדע, וואו ער שפּילט 2 יאָר, וואַנדערנדיק מיט דער טרופּע אויך איבער עסטרייך. דערנאָך טרעט ז. אַריין צו יאָוועליר אין יאַסי און שפּעטער צו גאָלדפאַדען, באַטייליקנדיק זיך אין זיינע אויפירונגען פון „משיחס צייטן“ און אין דער פּרעמיערע פון „עקדת יצחק“ אין גאַלאַץ.

בערך 1899 ווערט ז., אויף אַ קורצער צייט, דירעקטאָר פון אַ קליינער טרופּע (מאָטעל גאָלדרינג און פרוי, אברהם זילבערמאַן, יאָזעף עסקרייז א. א.), וועלכע שפּילט זומער מיט בלייכמאַן, סעם אַדלער און שפּעטער מיט זיגמונד און דיינע פיינמאַן. דערנאָך איז ז. אַ געוויסע צייט ביי אַ דייטשן טעאַטער אין עסטרייך און טרעט אריין צו איציקל גאָלדענבערג אין בוקאַרעסטער זשיגניצאַ, פאַרנעמענדיק זיך גלייכצייטיק מיט מסחר.

1908 — האָט ז. געשפּילט ביי אַקסעלראָד אין טשערנאָוויץ, פון וואַנען ער פאָרט צו עדלהאָפּער קיין ווין. נאָר אַזוי ווי עדעלהאָפּערס קאָנצעסיע איז בלויז פאַר אַ „זינג־שפּיל־געזעלשאַפט“ (וואַריעטע). יידיש טעאַטער איז דאַמאָלט געווען פאַרבאָטן זייט אַ מסירה אויף הורוויצס טרופּע מצד די דאָרטיקע יידישע פאַרשטייער) שפּילט ז. פּיעסען אונטער דער מאַסקע פון איינאַקטערס, וועלכע ווערן אויך באַגלייט פון וואָדעוויל־נומערן. נאָך עטלעכע יאָר שפּילן אויף אַזאַ אופן, באַקומט ז. אַ קאָנצעסיע צו שפּילן יידיש טעאַטער און עטאַבלירט זיין טרופּע א״נ „יודישע ביהנע“ (אין האָטעל סטעפאַני, טאַבאָר־שטראַסע), גאַסטראָלירנדיק אין די זומער־סעזאָנען אין מאַריענבאַד, פראַנצענסבאַד, פּראַג, טשערנאָוויץ א. א.

ז. איז געווען דער ערשטער אויפצופירן אין ווינער יידישן טעאַטער די פּיעסען פון גאָרדין און אויף דער איניציאַטיוו פון אייזיק ליובעצקי און יעקב מעסטעל, האָט ער דערנאָך אויך געשטעלט פּיעסען פון אַש, הירשביין, א. א.

ז. איז געווען אַ מיטגרינדער פון דער געזעלשאַפט „פרייע יידישע פאָלקסבינע" און האָט זיך באַטייליקט אין אירע פאָרשטעלונגען. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אַלס שוישפּילער ביי אַ פילם-געזעלשאַפט.

1920 — האָט ז. געגרינדעט אַ וואַנדער-טרופּע (ער און זיין פרוי, זייערע 3 קינדער און דער איידעם משה פאַסטאַר ווי אויך אַנדערע אַקטיאָרן), מיט וועלכער ער פאָרט אַרום איבער רומעניע און עסטרייך.

ז. איז געווען אַ מיטגליד פון רומענישן פאַרלאַגס-קאָמיטעט פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער".

ש. ע. און ש. ע. פון יעקב מעסטעל.

יעקב קירשענבוים — אַ טרעהר אויף דעם פרישען קבר פון שוישפּילער סעמועל ראָזענשטיין, „מאָ"זש", נ. י. 3 פעברואַר 1930.

זיגלער, ערנא

געבוירן 18 פעברואַר 1911 אין ווין, עסטרייך. עלטערן — די אַקטיאָרן ראָזאַ און מאָריץ זיגלער. געענדיקט אַ פאָלקס-שול. 1920 — דעביוטירט אין איר עלטערנס טשערנאָוויצער טרופּע אַלס קינד אין „חנהלע די נייטאָרין" און געשפּילט 2 יאָר קינדער-ראָלן.

נאָך אַן הפסקה ביז 1926 האָט ז. אָנגעהויבן אַרויסטרעטן אַלס פּרימאַדאָנע און שפּילט ביז איצט אין דאָזיקן אַמפּלואַ אין דער טרופּע פון אירע עלטערן.

ש. ע.

זיגלער, ראָזאַ

[ראָזענשטיין]

געבוירן 25 דעצעמבער 1888 אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — אַן אַפּישן-קלעבער, מוטער, — אַ נייטאָרין. דורך דער נאָנטער באַרירונג מיטן טעאַטער ווערן ז.'ס דריי ברידער, אברהם, שמואל און לייזער — פאָלקס-זינגער. ווען זייער מוטער, די הויפּט פּרנסה-געבערין אין דער היים, ווערט פּאַראַליזירט, ווערט ז. פון איר פאָטער אַרומגעפירט איבער קאַפעע-הייזער אַלס זינגערין. ז. איז אָבער דערפון נישט צופרידען און קומט צוריק אין יאַסי. דאָ טרעט זי אַריין, צוזאַמען מיט אַ ברודער, זינגען אין אַ קאַפעע-הויז. אַ קורצע צייט שפּעטער קומען קיין יאַסי סעגאַלעסקאָ און גאָלדענבערג און הערנדיק ז. זינגען, נעמען זיי זי אַריין צו זיך אין טרופּע, מיט וועלכער זי שפּילט 5 יאָר אין דער בוקאַרעסטער זשיגניצאַ, אונטער די ערגסטע מאַטעריעלע באַדינגונגען, ביז זי האָט חתונה, פריער מיט אַ יידיש-רומענישן אַקטיאָר, דערנאָך מיט מאָריץ זיגלער, מיט וועלכן זי מאַכט ווייטער מיט דעם גאַנצן עטאַפּ פון זיין בינע-קאַריערע.

ז.'ס דריי טעכטער: עלאַ, סעווילאַ און ערנאַ שפּילן אויף דער יידישער בינע.

ש. ע.

זיגענלויב, וויליאַם

[וואָלף]

געבוירן 2 סעפּטעמבער 1883 אין קאָלאָמעאַ, גאַליציע. פאָטער — אַ קירזשנער. געלערנט אין חדר און אין דער באַראָן הירש-שול, געזונגען ביי אַ חזן. אין עלטער פון 13 יאָר איבערגעריסן די למודים און געאַרבעט 3 יאָר ביים פאָטער.

1899 — אָנגעקומען אַלס סטאַטיסט אין יאָוועלירס גאַסטראָלירנדיקער טרופּע, מיט וועלכער ער איז מיטגעפאָרן קיין טשערנאָוויץ אַלס כאָריסט און עפּיזאָדן-ראָליסט. דערנאָך צוריקגעקערט קיין קאָלאָמעאַ מיט דער טרייטלער-טרופּע. דאָ איבערגעריסן דאָס שפּילן און ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן ביים פאָטער.

1903 — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער האָט געשפּילט וואָדעוויל ביי אהרן מאָרגענבעסער אין סינגער האָל אין בראָנזוויל, דערנאָך אין אַנדערע יידישע וואָדעוויל-הייזער אין ניו-יאָרק און פּראָווינץ. אָנגעהויבן לעגיטים טעאַטער, איבערגעגאַנגען אין 3טן סטריט טעאַטער ביי געביל, וואו ער שפּילט 2 סעזאָנען, דערנאָך 3 יאָר ביי נייטאַן גאָלדבערג אין פּלאַזאַ טעאַטער און שפּעטער 2 סעזאָנען אין מאָנטרעאַל, באַלטימאָר און אין אָריענטאַל טעאַטער.

נאָכן באַקענען זיך אין 1914 מיט ראָזאַ רובין, געשפּילט צוזאַמען מיט איר אין וואָדעוויל און לעגיטים טעאַטער, דערונטער 1923-24 אין גרענד טעאַטער (וואָדעוויל), 1924-25 — אין מאָנט מאָרים טעאַטער (וואָדעוויל), 1925-27 — אין פּראָספּעקט טעאַטער, 1927-28 אין טאָראָנטאָ, 1928-29 — אין האָפּקינסאָן אין בראָנזוויל און 1929-30 אין נוארק ביי עלווינג.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער-קאָמיקער.

מ. ע.

זיידמאַן, בעני

געב. 12 דעצ. 1886 אין טעפּליק, קיעווער גוב., אוקראַאינע. פאָטער — אַ חזן. אַלס יונגל האָט ז. געזונגען ביי די חזנים אברהמלע טאַלנער און זיידל ראָווענער און שפּעטער ביי יאַנקל סיראָקער אין אומאַן. יונג פאַרלוירן די עלטערן, איז ער געפאָרן קיין לאָנדאָן, און צו 17 יאָר געוואָרן כאָר-דיריגענט ביים חזן ליפשיץ אין דער גרויסער קענען-סטריטער שול. אין דער זעלבער צייט האָט ז. געזונגען אין כאָר אין די שבת-נאָכמיטאָג-פאָרשטעלונגען פון יידישן טעאַטער, שפּעטער געשפּילט קליינע ראָלן. זיין ערשטע ראָל איז געווען „דער וועכטער" אין גאָלדפאַדענס „בר כוכבא" אונטער טרייטלערס דירעקציע.

אין 1906 געקומען אין אַמעריקע, טרעט ז. אַריין צו שוואַרצן

אין פילאַדעלפיע, אין קאָלאָמביאַ-טעאַטער, דערנאָך שפּילט ער איייניקע סעזאָנען וואָדעוויל אין ניו-יאָרק.

אין 1914 שפּילט ז. אין לענאָקס-טעאַטער אַלס ליבהאָבער, שפּעטער גייט ער איבער אין גרענד-טעאַטער און נייישאַנאַל-טעאַטער, וואו ער שפּילט ביז 1930 אַלס כאַראַקטער-שוישפּילער.

מ. ע.

זיידעמאַן, דוד

געבוירן 12 פעברואַר 1895 אין לאָדזש, פּוילן. פאָטער — אַ וועבער. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-יידישע דערציאונג און געענדיקט אַ 4-קלאַסיקע שול.

צוליב זיין שיינער שטים אויפגענומען געוואָרן אין 1915 אין אַ פּראָווינץ-טרופּע. 1920-1917 — האָט ז. געשפּילט ביי יוליוס אַדלער און ה. סיראָצקי אַלס ערשטער ליבהאָבער-זינגער. 1920 — געמאַכט אַ טורנע איבער קאָוונער ליטע, 1922 — גאַסטראָלירט ביי יאָזעף קעסלער אין לאָנדאָן, שפּעטער אין בערלין. 1924 — געשפּילט אויף דייטש, דערנאָך, ביז 1928, געווען אָנפירער פון אַ יידישער אָפּערעטן-טרופּע איבער פּוילן און 1928 — געשפּילט אין ריגער קאָמעדיע- און אָפּערעטן-טעאַטער (אָנפירער: ש. קוטנער).

אַמפּלואַ — ליבהאָבער-זינגער.

ש. ע.

זיידענבערג, לעאָן

[דוד-לייב זיידענווערג]

געבוירן 4 יולי 1896 אין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע. עלטערן — מעל-סוחרים. געלערנט אין חדר און 2 קלאַסן נאָרמאַל-שול. אין 1904 צוזאַמען מיט דער פאַמיליע אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. געענדיקט אין ניו-יאָרק פּאָבליק-סקול און געלערנט 3 יאָר אין האַי-סקול. דאָ שליסט זיך אָן ז. אין „ליטעראַריש-דראַמאַטישן קלאָב“ (238 איסט בראָדוויי), וואו ער טרעט אַרויס מיט דעקלאַמאַציעס. אין 1912 דעביוטירט ער אַלס „חייקל“ אין הירשביינס „איינזאַמע וועלטן“. שפּעטער שפּילט ער דאָרט אויך אין אַנדערע פּיעסען. ווען דער קלוב פאַרמאַכט זיך (צוליב פינאַנציעלע שוועריקייטן), טרעט ז. ווידער אַרוים אויף ליטעראַרישע אָוונטן, און גרינדעט דערנאָך אַ נייעם קלוב מיט בן-עמי אַלס רעזשיסער. 1918 באַטייליקט זיך ז. (נישט פּראָפעסיאָנעל) אין שוואַרצס פאָרשטעלונגען אין אוירווינג-פּליים-טעאַטער. ערשט אין 1920 שפּילט ז. פּראָפעסיאָנעל אין יידישן קונסט טעאַטער (שניצער). 1921 — באַטייליקט ער זיך אין דער ענגלישער אויפירונג פון הירשביינס „די פּוסטע קרעטשמע“, 1921-25 — שפּילט ער אין יידישן קונסט-טעאַטער און באַטייליקט זיך אויך אין אייראָפּעאישן טורנע פון דער טרופּע און אין איר פילם-אויפירונג פון סעקלערס „יזכור“, 1925-26 — האָט ז. געשפּילט ביי האָלענדער אין מאָנטרעאַל, 1926-27 — ביי יוליוס נאַטאַנסאָן אין באָסטאָן, ווערט אויפגענומען אַלס מיטגליד אין דער יוניע, שפּילט דערנאָך אין 1927-28 ביי גליקמאַן און מיכאַלעסקאָ אין שיקאַגאָ, 1928-29 — אין בראָנזווילער ליריק-טעאַטער און 1929-30 — אין באָסטאָן.

ש. ע.

יעקב מעסטעל — ווער זיינען די קינסטלער פון דעם ניו-יאָרקער אידישען קונסט-טהעאַטער?, „די צייט“, לאָנדאָן, אַפּריל 1924.

זיידערמאַן, [?]

[געב. [?] — געשט. 1922]

געווען אַ משורר אין דער וואַרשעווער סינאַגאָגע אויף דאַניאַלאָוואַטשעווסקאַ. אין 1876 האָט ז. זיך באַטייליקט אין וואַרשע אין דער אויפירונג פון „מכירת יוסף“ און „גדולת יוסף“, וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אין 2 נעכט. דערנאָך געוואָרן אַן אָפּערן-זינגער און שפּעטער אַ מוזיק-פּראָפעסאָר אין בערלין, וואו ער איז אין 1922 געשטאָרבן.

ז. איז, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, געווען אַ מיטגליד אין בעללוים טרופּע אין וואַרשע.

מ. ע. פון ה. פיינשטיין.

דר. יעקב שאַצקי — צושטייער צו דער געשיכטע פון דעם פאַר-גאָלדפאַדענישען טעאַטער, „יידיש טעאַטער“, וואַרשע, 3-4, 1927.

זייפערט, משה

[געב. 2 מאַי 1851 — געשט. 7 פעב., 1922]

געבוירן 2 מאַי 1851 אין ווילקאָמיר, קאָוונער גוב., ליטע. פאָטער — אַ משכיל, אַ פעלדשער, האָט אים געגעבן אַ טראַדיציאָנעל-יידישע דערציאונג, געלאָזט אים לערנען אין חדרים און ביי מלמדים און אים אויך באַקענט מיט דער העברעאישער השכלה-ליטעראַטור פון זיין אייגענער ביבליאָטעק.

אין עלטער פון 10 יאָר האָט ז. צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע זיך אַריבערגעטראָגן קיין שווערזנע, מינסקער גוב., וואו ער האָט ווייטער געלערנט גמרא און געלייענט די העברעאישע פּרעסע, און שוין אין עלטער פון 13 יאָר געדרוקט קאָרעספּאָנדענציעס אין „הכרמל“, דערנאָך פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין די פּעריאָדישע העברעאישע אויסגאַבעס.

שפּעטער טרעט אַריין ז. אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, אָבער ער ווערט באַלד פון דאָרט אויסגעשלאָסן, ווייל מ'כאַפּט אים לייענען „טרפה פסול“. אין 1873 ענדיקט ז. אין קאָוונע אַלס פעלדשער, פּראַקטיצירט אין שווערזנע און גיט זיך אָפּ גלייכצייטיק מיט שריפטשטעלעריי. אין 1883 פאַרעפנטלעכט ז. זיין ערשטן ראָמאַן אין יידיש. אין 1886 וואַנדערט ער אויס קיין אַמעריקע, וואו ער טרעט אַריין אין די דאַמאָלטיקע וואָכנבלעטער אין יידיש און שרייבט אויך קאָרעספּאָנדענציעס אין רוסישע ציייטונגען אין רוסלאַנד. דעמאָלט פאַרעפנטלעכט ער אין “Нед. Хрон. Восхода“ אַ גרעסערן אַרטיקל וועגן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

כדי צו פאַרבעסערן זיין מאַטעריעלע לאַגע, באַשליסט ז. — ווי ער גיט איבער אין זיין געשיכטע פון יידישן טעאַטער — צו ווערן אַ דראַמאַטורג און נעמט זיך פאַר אַ מוסטער די דאַמאָלטיקע יידישע דראַמאַטורגן לאַטיינער און הורוויץ.

ז.'ס ערשטע פּיעסע איז געווען אַ בילד פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן „די צוויי גרינהאָרנס“, אָבער באַלד נעמט ער זיך צו היסטאָרישע טעמעס און פאַרפאַסט די אָפּערעטע „מרים החשמונאית“. די דאַמאָלטיקע יידישע דראַמאַטורגען, וועלכע זיינען אויך געווען שותּפים אין די דירעקציעס פון די טעאַטערס, דערלאָזן אָבער ניט אויפפירן ז.'ס פּיעסען און ערשט אין 1890 ווערט זיין אָפּערעטע „מרים החשמונאית“ אויפגעפירט אין טאַליאַ-טעאַטער און דאָס פאַרשאַפט אים באַלד אַ נאָמען אַלס דראַמאַטורג.

דעם 24 אָקטאָבער 1890 ווערט אין רומעניע-אָפּערע הויז אויפגעפירט ז.'ס לעבנסבילד „דער שלאָסער“ [וואַרשיינלעך „די צוויי גרינהאָרנס“] און דעם 25 דעצעמבער 1890 — זיין „היסטאָרישע פּאָלנישע אָפּערע — דער יידישער פּאָלקאָווניק“ [„בערעק יאָסעלעוויטש], מוזיק פון מאָגולעסקאָ און מינקאָווסקי.

אין 1891 איז אויפגעפירט געוואָרן ז.'ס פּיעסע „טיטוס“ אָדער „חרבן בית שני“, אין 1892 זיינע פּיעסען: „שומר ישראל“, „געהיימנים פון רוסישן הויף“, „שיבת ציון“, „די דריי טרערן“, „גר צדק“ אָדער „גראַף פּאָטאָצקי“ און „דאָס קינד אין וואַלד“; אין 1893: „גבורי ישראל“, „די בת יחידה“ אָדער „ניו-יאָרק ווינט און ווינט“, אַן איבערזעצונג פון שילערס „די רויבער“ און דעם 24 נאָוועמבער פון זעלבן יאָר (אין טאַליאַ-טעאַטער) אַ באַארבעטונג פון שעקספּירס „האַמלעט“. [אין זיין „געשיכטע פון אידישען טהעאַטער“ לאַכט ז. אַליין אָפּ פון דערדאָזיקער פרייער באַארבעטונג].

אין 1894 זיינען אויפגעפירט געוואָרן: „קרוינפּרינץ רודאָלף“ אָדער „די יידן אין עסטרייך“, באַארבעטונגען פון שילערס „מאַריאַ סטואַרט“ און „דאָן קאַרלאָס“ און דעם 9טן פעברואַר פון זעלבן יאָר (אין טאַליאַ טעאַטער) „ר' מאיר בעל הנס“ אָדער „די מלכה פון צעזאַריאַ“, „היסטאָרישע לעגענדע אין 5 אַקטן“ (נאָך שילערס „טוראַנדאָט“).

אין 1895: „די יידישע טרילבי“, (אַדאַפּטירט פון א. מאַריער) און „דער נאַכט-וועכטער“; אין 1896 — די „אָריגינעלע סענסאַציאָנעלע אָפּערעטע פון אַמעריקאַנישן לעבן — די יידישע קאָלאָניסטן“ און „גלות מאָסקווא“, אין 1898 — אַ פרייע איבערזעצונג פון סאַרדוס „טעאָדאָראַ“, אין 1900 — „פרייע ליבע“ אָדער „די נקמה פון אַ פרוי“, אין 1901 — שבט יהודה“ אָדער „דער רעוואָלוציאָנער“, דעם 13 פעברואַר 1902 — „זאַנדאָס האָכצייט“ אָדער „דער פּראָקוראָר אַלס פּאַרטיידיקער — אונגאַריש לעבנסבילד אין 4 אַקטן“ (אַדאַפּטירט פון דער דראַמע „נונטאַ די וואַלעני“), 1904 — „משה רבנו“ אָדער „די יידן אין דער מדבר“, 1906 — (אין גרענד-טעאַטער) די אָפּערעטע „מלכּא שבא“ [באַארבעט פון שלום פּערלמוטער אַלס פּיעסע פון ז.'ס איינאַקטער „ואשה בכל אלף לא מצאתי“] און אין 1909 די זייער פּאָפּולערע אָפּערעטע „דאָס פּינטעלע ייד“ [שפּעטער געשפּילט געוואָרן אויפן נאָמען פון באַארבעטער טאָמאַשעווסקי].

ז. האָט אויך באַארבעט פון דייטש אַ פּיעסע „דער סיבירניק“, וועלכע פיינמאַן האָט דערנאָך ווידער באַארבעט און אויפגעפירט אונטער זיין [פ.'ס] נאָמען אַלס „30 יאָר אונטער דער ערד“.

ב. גאָרין כאַראַקטעריזירט אַזוי ז.'ס דראַמאַטורגיע: „ז. האָט געשמאָלצן זיינע שטיקער אין דעם זעלביקן טיגל, וואו אַלע שטיקער פון יענער צייט זיינען דאַמאָלט געשמאָלצן געוואָרן. ער איז געגאַנגען מיטן זעלביקן דרך, וואָס די פריערדיקע דראַמענשרייבער אין ניו-יאָרק האָבן אויסגעטראָטן. ער האָט אפשר אין זיינע היסטאָרישע שטיקער מער זיך געהאַלטן ביי דער געשיכטע. אין זיינע לעבנסבילדער איז אפשר נישט געווען אַזויפיל לעבערוואורשט ווי אין די אַנדערע, נאָר ער האָט אויך זיין מאַטעריאַל ניט געזוכט אין לעבן און געשעפּט זיין באַגייסטערונג פון דעם זעלביקן קוואַל און געברויכט די זעלביקע מיטלען וואָס די אַנדערע. פון די אַלע פּנים חדשות, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין יענער צייט, איז ער געווען דער פּראָדוקטיווסטער. נאָר די ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט ער צוליב זיין שטעלונג צו דעם דראַמאַטישן פאַך. ער איז דער איינציקער פון אַלע יידישע דראַמענשרייבער, וואָס מאַכט חוזק ניט נאָר פון די שטיקער, פון וועלכע ער האָט דעם שניט גענומען, נאָר אויך פון זיינע אייגענע שאַפונגען, און אין דער צייט ווען די אַנדערע אויטאָרן האָבן געגלויבט, אַז זיי שאַפן עטוואָס אומשטערבלעכעס, האָט ער געמאַכט שפּאַס פון דעם גאַנצן רעפּערטואַר און פון זיינע אייגענע ווערק. מ. זייפערט פאַרדינט אויך אויפמערקזאַמקייט צוליב דעם וואָס ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן איבערזעצט קלאַסישע פּיעסען פאַר דער יידישער בינע“.

ז. האָט אין זאַמלבוך „דיא אידישע ביהנע“ (ניו-יאָרק 1897) פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט [47 זייטן] א"נ „דיא געשיכטע פון אידישען טהעאַטער“, וואו ער שילדערט מיט סאַרקאַזם און הומאָר די געשיכטע פון יידישן טעאַטער פון גאָלדפאַדען ביז צום יאָר 1897. דידאָזיקע אַרבעט איז באַלד דערויף דערשינען אין אַ ספּעציעלער אויסגאַבע. אין דערדאָזיקער געשיכטע כאַראַקטעריזירט ז. זיין אייגענע דראַמאַטורגישע אַרבעט אויף פאָלגנדיקן אופן:

„איך בין זיך מודה, אַז איך בין אַ „גנב“, דאָס הייסט, אַז אַלע מיינע פּיעסען טויגן אויף כּפּרות פּונקט ווי די פּיעסען פון די אַנדערע פאַרפאַסער. איך שטאָלציר חלילה ניט מיט זיי, ווייל איך ווייס, אַז איך האָב גאָרנישט געשאַפן.“

אין זעלבן זאַמלבוך פאַרעפנטלעכט ער אויך אַ גרעסערן אַרטיקל „דיא אידישע ביהנע און איהר צוקונפט“ און אין „לוח אחיעבר“ (ניו-יאָרק תרפ"א) אַ גרעסערן העברעאישן אַרטיקל וועגן יידישן טעאַטער.

זייט 1909 האָט ז. זיך צוריקגעצויגן פון זיין טעאַטער-טעטיקייט און זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט זיין אַרבעט אין דער יידישער ליטעראַטור, בפרט זשורנאַליסט.

דעם 7 פעברואַר 1922 איז ז. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 1065-9.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II, זז. 66, 88-99, 182, 204, 269, 277.

מ. זייפערט — דיא געשיכטע פון אידישען טהעאַטער („דיא אידישע ביהנע“, נ. י. 1897, רעד. חנן י. מיניקעס.)

מ. זייפערט — לתולדות התיאטרון היהודי (פרק מזכרונותי), „לוח אחיעבר“, ערוך על ידי מ. ליפסון, נ. י. תרפ"א, זז. 134-150.

ב. גאָרין — „געזאַמעלטע שריפטען“, נ. י. 1927 I, זז. 56-7.

שלום פּערלמוטער — אידישער דראַמאַטורגען, „די אידישע וועלט“, קליוולאַנד, 9, 10, דעצעמבער 1928.

זייקין, גרשון

לויט ב. גאָרין זיינען אין 1903 אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרק ז.'ס איבערזעצונגען פון טאָלסטאָיס „תחית המתים“ א"נ „די ערוואַכונג“ און מעטערלינקס „מאָנאַ וואַנאַ“ א"נ „די העלדין, אָדער מאָנאַ וואַנאַ“. אין 1905 איז אויפגעפירט געוואָרן ז.'ס „די ירושה“, וועלכע איז אין פעברואַר 1912 ווידער אויפגעפירט געוואָרן אין ליפּצין-טעאַטער אין אַ נייער באַארבעטונג א"נ „ליבע אָדער רייכטום“.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II, ז. 266.

דר. יעקב שאַצקי — צוויי בריוו פון אסתר רחל קאַמינסקי, „אַרכיוו“, זז. 463-4.

זילבורג, משה

געבוירן 1884 אין מאַלאָדעטשנאָ, ווילנער גוב., פּויליש-ליטע, אין אַ בעל-הביתישער פאַמיליע. געלערנט אין חדר און אין ישיבה, דערנאָך זיך גענומען צו אַלגעמיינער בילדונג און געלעבט אין מינסק אַלס העברעאישער לערער. אַרום 1906 האָט ז. זיך באַזעצט אין ווילנע און דעביוטירט מיט דערציילונגען אין „הזמן". דערנאָך גענומען שרייבן אין יידיש און געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער שריפטשטעלער. אין 1925 האָט ז. אַרויסגעגעבן אין ווילנע אַ וואָכנבלאַט פאַר טעאַטער און קינאָ א"נ „די בימה" [דערשינען 16 נומערן].

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 1069-71.

זילבער, לאַניאַ

[לאה מירנאַ-זילבערשטיין]

געבוירן 28 אויגוסט 1895 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — באַזיצער פון אַ קליינער שוך-פאַבריק. געלערנט אין אַ פאָלקס-שול און יידיש ביי אַ לערער. דורך דער איניציאַטיוו פון רעגינאַ קאַמינסקאַ אַריינגענומען געוואָרן אין כאָר פון קאַמפּאַניעץ, וואו זי האָט אויך געשפּילט קינדער-ראָלן, דערנאָך איבערגעגאַנגען צו סובּרעטין-ראָלן, פאַרבלייבנדיק אויך אין כאָר. פון קאַמפּאַניעצן אַריבער אין קאַמינסקיס טעאַטער. 1911 — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו זי האָט חתונה געהאַט מיט שמעון זילבערשטיין, געשפּילט מיט אים אין די וואַנדער-טרופּעס איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ און שפּעטער זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע.

מ. ע.

זילבער, קאַרל

[חיים]

[געב. 1867 — געשט. פעברואַר 1903]

געבוירן 1867 אין סקאַלע, מזרח-גאַליציע. געווען אַ משורר ביים חזן ברוך קינסטלער אין לעמבערג און דערנאָך ביי אַנדערע חזנים. בערך 1897 ביז 1899 געשפּילט ביי גימפּעל אין לעמבערג און גליכצייטיק צוזאַמען מיט זיין פרוי געהאַלטן אַ שענק. 1900-2 — געשפּילט ביי משה שור אין גאַליציע, דערנאָך אין רומעניע און צוריקגעקומען אין לעמבערג. ז. האָט זיך אויסגעצייכנט אין פאַרשידענע כאַראַקטער-ראָלן, באַזונדערס אָבער אין „שאוליק" אין שייקעוויטשעס „דער צווייטער המן". ער איז אויך געווען אַ מנגן און האָט פאַרפאַסט די מוזיק צו משה ריכטערס פּיעסע „חרם דרבנו גרשום".

1903 איז ז. געקומען אין ניו-יאָרק, וואו ער איז איינמאָל אויפגעטראָטן, איז באַלד קראַנק געוואָרן אויף לונגען-אַנטצינדונג און דאָ געשטאָרבן אין פעברואַר 1903.

ש. ע. פון משה שור און מ. ע. פון זילבערס ברודער און פּעטער גראַף.
ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." II, ז. 147.

זילבערבוש, סעם

[איתמר]

געבוירן 15 סעפּטעמבער 1878 אין טשערנאָוויץ, בוקאָווינע. עלטערן — מיל-באַזיצער אין גורא הומאָראַ, וואו ז. איז אויפגעצויגן געוואָרן. געלערנט אין חדר און פאָלקס-שול און געזונגען ביי אַ חזן. אין עלטער פון 13 יאָר געפאָרן לערנען אין פּרעסבורגער ישיבה און דאָרט געזונגען ביים קאַנטאָר קאַהנשטאַט, דערנאָך אין בודאַפּעסט ביים קאַנטאָר באַכמאַן, ביי וועמען ער באַקומט אויך אַ מוזיקאַלישע בילדונג. דאָ באַקענט ער זיך מיט די יידישע אַקטיאָרן פיליפּ וויזענפריינד, עסקרייז, בראַנדעס, בערל בערנשטיין, טריטעלער און זיין טאָכטער מאַלווינע (די שפּעטערדיקע לאָבעל) און פאָרט מיט זיי אַלס כאָריסט און אַקטיאָר איבער גאַליציע און אַנדערע עסטרייך-אונגאַרישע טעריטאָריעס און איבער רומעניע. צוליב דער שווערער לאַגע פון יידישן טעאַטער אָפּט איבערגעריסן דאָס שפּילן אויף דער יידישער בינע און זיך באַטייליקט אין צירק-פאָרשטעלונגען.

1906 געשפּילט יידיש וואָדעוויל מיט די קאַנערס און ליטמאַן אין קאַרלסבאַד און פון דאָרט געבראַכט געוואָרן דורך סעם אַגער אין אַמעריקע פאַר זיין וואָדעוויל-הויז. שפּעטער געשפּילט לעגיטים טעאַטער ביי יעקב פרענק אין באַלטימאָר און דערנאָך איינע סעזאָנען אין שיקאַגאָ ביי טשאַרלס נאַטאַנסאָן און עליאַס ראָטשטיין אַלס כאַראַקטער- און געזאַנגס-אַקטיאָר, האָבנדיק די געלעגנהייט צו שפּילן מיט די גאַסטראָלירנדיקע אָנגעזעענסטע כחות פון דער יידישער בינע.

ז. האָט די לעצטע יאָרן געשפּילט אויף דער ענגלישער בינע, דערונטער אין דער פּיעסע „גאָדס אָף לייטהינג" (מיט הערים ברעהם און טשאַרלס פּיקפאָרד) און צו 3 סעזאָנען אַלס „לעווי" אין „דזשעז זינגער" (מיט דזשאָרדזש דזשעסעל) און אין „טוירן טו די רייט". ער האָט אויך זיך באַטייליקט אין אייניקע טאָקיס [קלאַנג-פילם].

ז. האָט געשריבן און אַריינגעזונגען אין פאָנאָגראַף 208 יידישע און ענגלישע לידער, וועלכע אייניקע („דער אַלטער טאַטע", „דער חזן אויף דער עלטער", „ברית מילה") זיינען געוואָרן גאַנץ פּאָפּולער.

ש. ע.

זילבערבלאַט, זלמן

געבוירן 24 פעברואַר 1899 אין ביאַליסטאָק, פּוילן. געלערנט אין אינסטיטוט פון פאָלקס-ווירטשאַפט און אין מאָסקווער אוניווערזיטעט. 1920 אַריינגעטראָטן אין דער סטודיע פון מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער און זייט אַפּריל 1922 אָנגעהויבן שפּילן אין דאָזיקן טעאַטער, וואו ער איז אויך אַ פאַרוואַלטונגס-מיטגליד. ז. האָט זיך באַטייליקט אין אייראָפּעאישן טורנע פון דער טרופּע און אין פילם „יידישע גליקן" לויט שלום-עליכם.

ש. ע.

זילבערבערג, וואָלף



געבוירן 11 נאָוועמבער 1885 אין לאָדזש, פּוילן, ביי אָרטאָדאָקסישע עלטערן. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל־יידישע דערציאונג, דערנאָך געענדיקט קאָנשטאַטס שול און די האַנדלס־קורסן ביי דער אינדוסטריעל־טעכנישער האַנדלס־שול. געאַרבעט שפּעטער אַלס אָנגעשטעלטער אין דער אַקציענגעזעלשאַפט היינצעל און קוניצער. אַ קורצע צייט האָט ז. געשריבן וועגן טעאַטער אין דער "Neue Lodzer Zeitung"

אונטער דער השפּעה פון ספּיוואַקאָווסקי אַריינגעטראָטן אין יולי 1904 אין זיין טרופּע און אין משך פון איניקע יאָר געשפּילט אין פאַרשיידענע אַנדערע טרופּעס. 1908 — געשפּילט אין אָדעס ביי ספּיוואַקאָווסקי־קרויזע און נאָכן באַקענען זיך מיט פּרץ הירשביין געהאָלפן גרינדן (צוזאַמען מיט ווערוטע) די „הירשביין־טרופּע", אין וועלכער ער האָט געשפּילט און רעזשיסירט איניקע פּיעסען, דערונטער זיין איבערזעצונג פון יושקעוויטשעס „אין שטאָט".

נאָכן צעפאַלן פון דער „הירשביין־טרופּע" האָט ז. געשפּילט 4 יאָר אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער ביי זאַנדבערג און דאָרט אויפגעפירט זיין איבערזעצונג פון אַנרי בערנשטייןס „ישראל" א"נ „דער אַנטיסעמיט" און זיך באַטייליקט אין העברעאיש אַלס „דע סילוואַ" אין טורנעע מיט זאַסלאַווסקי איבער רוסלאַנד. 1914 ביז צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געשפּילט און רעזשיסירט אין פאַרשידענע יידישע טרופּעס און שפּעטער מיטגעהאָלפן גרינדן דעם „ערשטער יידישער אַרטיסטן־פאַריין" און די יידישע קאָאָפּעראַטיווע טרופּעס אונטער דער השגחה פון פאַריין. ער האָט אויך געגרינדעט אין כאַרקאָוו (צוזאַמען מיט בוימוואַל, ראַפּאַלסקי און שריפּטזעצער, מיט דער הילף פון יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן און פּאָליטישע פּאַרטייען) דאָס טעאַטער „אונזער ווינקל", וואו ער האָט רעזשיסירט און געשפּילט. ווען די טרופּע שטעלט אָפּ איר טעטיקייט (צוליב דעם מאַרש פון דעניקינס אַרמיי), טרעט ז. אַריין אַלס בוכהאַלטער אין אַ יידישער קאָאָפּעראַטיווער באַנק. שפּעטער שפּילט ער ווידער אין דאָזיקן אויפגעלעבטן טעאַטער, וואָס גייט איבער קיין וויטעבסק און דערנאָך קיין מינסק.

סעפּטעמבער 1921 איז ז. צוריקגעקומען אין פּוילן און געשפּילט אַ קורצע צייט אין לאָדזש און אין וואַרשע, דערנאָך גאַסטראָלירט אין „וויקט" אין לעמבערג און אין 1923 אַריינגעטראָטן אין דער „ווילנער טרופּע", וואו ער שפּילט אַ סעזאָן. שפּעטער עמיגרירט ער קיין לאָנדאָן, גרינדעט דאָרט אַ טרופּע א"נ „פאָלקס־טעאַטער" און פאָרט דערנאָך קיין ווין, וואו ער באַטייליקט זיך אַלס „רב" אין סידני גאָלדינס פילם־אויפפירונג פון סעקלערס „יזכור" און איז דער אויפפירונג פון טאָלערס „הינקעמאַן" פון דער גאַסטראָלירנדיקער טרופּע פון ניו־יאָרקער יידישן קונסט־טעאַטער, און קערט צוריק קיין לאָנדאָן, וואו ער שפּילט ביז 1930 אין פּאַוויליאָן־טעאַטער.

ז. האָט אויך איבערזעצט „זינד" פון פּשיבישעווסקי, „די נישט דערוואַקסענע" פון ניקאָדעמי, „דער מבול" פון ה. בערגער, „הינטער מויערן" פון הענרי נאַטאַנסאָן, „דער מיראַזש", „די פרוי, וואָס האָט דערהרגעט" און „פּאַטאַש און פּערלמוטער", וועלכע ער האָט אויפגעפירט אין פאַרשיידענע טרופּעס.

ש. ע.

ש. קוטנער — זכרונות וועגן דער הירשביין־טרופּע („טעאַטער־זכרונות", רעד. ז. זילבערצווייג), ווילנע, 1928, זז. 9-86.

אברהם לעווינסאָן — „אונזער ווינקל" (דאָרט זז. 45-39).
זלמן זילבערצווייג — יידישע אַקטיאָרן אויף דער העברעאישער בינע. (דאָרט זז. 4-53).

זילבערבערג, סעמועל

געבוירן 15 מערץ 1892 אין סאַטאַנאָף, פּאָד. גוב., אוקראַאינע. עלטערן — סוחרים. באַקומען היימישע בילדונג. די בינע־קאַריערע אָנגעהויבן אַלס כאָריסט און אין 1912 דעביוטירט אַלס „דאָרענבוים" אין „מיליאָנער אַלס בעטלער" ביי גוטענטאַג אין בוענאָס־איירעס. אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט אין צפון־אַמעריקע, בשותפות מיט ל. פרייִמאַן געהאַלטן דאָס טשעלסי טעאַטער (ביי באָסטאָן) און אויך געשפּילט אין בראָנקסער טעאַטער, וואו ער האָט געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן מיט יעקב פּ. אַדלער און סערא אַדלער. שפּעטער צוריקגעקערט קיין אַרגענטינע, וואו ער שפּילט ביז היינט.

ש. ע.

זילבערט, טעאָדאָר־הערצל

געבוירן 5 יולי 1904 אין באָסטאָן, אַמעריקע. עלטערן — יעקב און ליזאַ זילבערט. געענדיקט פּאָבליק־ און האַי־סקול און געלערנט אין אַ יידישער אָוונט־שול.

אָנגעהויבן שפּילן קינדער־ראָלן אין דער טרופּע פון זיינע עלטערן, דערנאָך אויף אַ צייט איבערגעריסן און שפּעטער שוין געשפּילט דערוואַקסענע ראָלן ביי זיינע עלטערן. נאָכדעם פאַרלאָזט ז. די בינע און ווערט אַ קאַסירער און געהילף־מענעדזשער, פריער 3 יאָר אין האָפּקינסאָן־טעאַטער, דערנאָך אין אירווינג־טעאַטער, 29-1928 אין פּאָלקס־טעאַטער און 30-1929 אין ברוקלינער ראָלאַנד־טעאַטער.

מ. ע.

זילבערט, יעקב

[קוליש]

געבוירן 5 אַפּריל 1871 אין לוצק, וואָלינער גוב. פון דער מוטערס צד — זילבערט. עלטערן — באַזיצער פון אַן אַריינפאָר־הויז.

אין עלטער פון 10 יאָר געזונגען אַלס אַלט ביים חזן משה סאָראָקער. אַלס 14 יאָריקער אַוועק קיין ראָוונע און דאָרט געווען אַ קורצע צייט משורר ביי זיידעל ראָווגער, דערנאָך אין אָדעס ביים חזן ניסל בלומענטאַל. אַלס זינגער פאַרקערט אין דער סביבה פון יידישע אַקטיאָרן און אונטער דער השפּעה פון פישזאָן אַריינגעטראָטן צו אים אין כאָר. נאָכן אַרומפאָרן אַ לענגערע צייט איבער דער פּראָווינץ ביי זייער שווערע עקאָנאָמי-

שע באַדינגונגען, טרעט ז. אַרויס פון דער טרופּע און צוזאַמען מיטן קאָמיקער פינקעל פאָרט ער אַרום איבער דער פּראָווינץ מיט „יידישע קאָנצערטן“, אויף וועלכע זיי זינגען פאַרשיידענע טעאַטער-לידער. צוליב שטערונגען מצד דער מאַכט איבערגעריסן די קאָנצערטן.

צוליבן פּריזיוו אַנטלאָפן קיין גאַליציע, דערפאָלגלאָז זיך באַמיט אַנצוקומען אין די אָרטיקע יידישע טרופּעס און אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער ווערט עטלעכע חדשים שפּעטער אַנגאַזשירט אַלס כאָריסט און עפּיזאָדן-אַקטיאָר אין אַדלערס יוניאָן-טעאַטער (ניו-יאָרק, 8-טע סטריט). דאָ דעביוטירט ז. אַלס „דער בויער“ אין גאָלדפאַדענס „מליץ יושר“ [„רבי יאָזעלמאַן“] און שפּעטער אין מער פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן. נאָך אַ קורצער צייט פאָרט ז. ווידער איבער דער פּראָווינץ צוזאַמען מיט די טאַנצמאַן און די ווילענסקיס. דאָ קומט צו אַ סכסוך צווישן דער טרופּע און אַדלערן צוליב דעם וואָס ז. שפּילט „דוד משהלעס“ אין גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר“, וועלכן ער האָט אומלעגאַל איבערגעשריבן בעת די פאָרשטעלונגען אין ניו-יאָרק. אַ קורצע צייט שפּעטער עפנט ז. צוזאַמען מיט סעם אַדלער א. א. דאָס פראָנט-סטריט טעאַטער אין באַלטימאָר, וואו זיי שפּילן אַ סעזאָן. ז. פאָרט דערקיין לאָנדאָן, וואו ער שפּילט אַ לענגערע צייט און פירט אויף צום ערשטן מאָל אין אייראָפּע גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר“.

פון לאָנדאָן ווערט ז. אַנגאַזשירט קיין פּאַריז און דערנאָך אין בוקאַרעסטער זשיגניצאַ, וואו ער פירט אויף „דער יידישער קעניג ליר“ מיט קאַליש אַלס „טייבעלע“. פון דאָרט גייט ז. איבער אין גאָלדפאַדענס טרופּע אין יאַסי און טרעט אויף אַלס „אברהם“ אין גאָלדפאַדענס „עקדת יצחק“ („שרה“ — מאַלווינע לאָבעל, „יצחק“ — גאָלדע שאַפּיראָ) און ווערט דערנאָך אַנגאַזשירט אַלס שוישפּילער און רעזשיסער קיין לעמבערג צו גימפּעל, מיט וועמען ער ווערט אויך אַ שותף. נאָכן שפּילן דאָרט אַ יאָר שטעלט ז. צונויף אַ טרופּע מיט די שוועסטער בריה און לאָזט זיך אַרויס איבער דער פּראָווינץ אונטער דער קאָנצעסיע פון טאַנענצאַפּ. דערנאָך טרעט ער אַריין ווידער צו גימפּעל, שפּילט אַ קורצע צייט אין בודאַפּעסט, און מיט אברהם אַקסעלראַד אין רומעניע, און ווידער אין בוקאַרעסטער זשיגניצאַ ביי סעגאַלעסקאָ. דאָ עפנט ז., (צוזאַמען מיט זיין שפּעטערדיקער פרוי, ליזע ראָזענבלום, מיט איר פאָטער און לייזער צוקערמאַן) אַ יידישן וואָדעוויל-טעאַטער, וואָס עקזיסטירט אַ יאָר און אָרגאַניזירט דערנאָך אַ וואַנדער-טרופּע איבער רומעניע און שפּעטער קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו זי פאַראייניקט זיך מיט יאָזעף וויינשטאָקס טרופּע. שפּעטער האָט ז. אָרגאַניזירט אַ וואַנדער-טרופּע פאַר רומעניע, אין וועלכער ס'האָט גאַסטראָלירט מאָגולעסקאָ, בעת זיין באַזוך אין אייראָפּע. נאָך מאָגולעסקאָס צוריקפאָרן קיין אַמעריקע איז די טרופּע אַוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פון וואַנען ז. מיט זיין פאַמיליע זיינען געפאָרן קיין קאַאירָאָ און אַריינגעטראָטן שפּילן אין אַ דאָרטיקער יידישער טרופּע. ז. האָט אויך געפּרובט שפּילן יידיש טעאַטער אין ארץ-ישראל, אָבער צוליב שטערונגען מצד דאָרטיקע יידישע פאָרשטייער, האָט ער געמוזט זיך באַנוגענען מיט אַ קאָנצערט פון יידישע לידער.

איצט קערט ז. צוריק קיין אייראָפּע, וואַנדערט אַרום אַ קורצע צייט, ביז ער פאַראייניקט זיך מיט חנא וואָלפסטאַל און יצחק אויערבאַך אין בודאַפּעסט און שפּילט דאָרט אַ סעזאָן. דערנאָך איז ז. איבערגעגאַנגען אין טאַליאַ-טעאַטער אין בערלין און אויף דער איניציאַטיוו פון פּראָפ. ליווע פון דער דייטשער אָפּערע, הייבט ער אָן שטודירן מוזיק, אָבער באַלד ווערט ער דורך הורוויצן אַנגאַזשירט פאַרן ווינדזאָר-טעאַטער אין ניו-יאָרק, וואו ער טרעט אויף אַלס „בר-כוכבא“. דעם קומענדן סעזאָן שפּילט ז. אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן, פירט דערנאָך אַליין אַ טעאַטער אין שיקאַגאָ, שפּעטער דעם האָפּ-טעאַטער אין באָסטאָן (אויפן צווייטן סעזאָן צוזאַמען מיט יאָזעף לאַטיינער און לואיס גאָטליב) און פירט דערנאָך קאָמפּאַניעס איבער דער פּראָווינץ. שפּעטער פירט אָן ז. מיטן 3טן סטריט-טעאַטער אין ניו-יאָרק, און אַ סעזאָן מיטן טעאַטער אויף דער 110-טער סטריט און 5-טע עוועניו, זומער גאַסטראָלירט ז. אין פּוילן און רוסלאַנד (וואַרשע, לאָדזש, אָדעס) און דערנאָך אין אַרגענטינע און נאָכן צוריקקומען אין אַמעריקע פאָרט ער ווידער אַרום איבער דער פּראָווינץ און שפּילט שפּעטער אויפן גאַרדן-רוף אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער. 1924-25 — האָט ז. געשפּילט איבער דער פּראָווינץ, 1926 — ביי טאָמאַשעווסקי אין פילאַדעלפיע, זומער 1927 — גאַסטראָלירט מיט זיין פרוי אין פּאַריז און אין בערלין און דעם ווינטער-סעזאָן געשפּילט אין בראָנקסער מעקינלי-סקווער-טעאַטער. 1928 — גאַסטראָלירט אין אייראָפּע און אַרומגעפאָרן איבער פּוילן מיט אַן אייגענער טרופּע.

ז. האָט אויפגעפירט פיל פּיעסן, וועלכע ער האָט ספּעציעל [אויף זיין נאָמען] באַאַרבעט פאַר זיינע טרופּעס.

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II, זז. 150, 199.

י. אוגער — שוילאָק, „לאָדז, „טאג“בל“, 1913.

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער“, ביאַליסטאָק, 1921, II, זז. 97-103.

בערטאַ קאַליש — (זכרונות), „דער טאָג“, נ. י., 1 יולי, 1925.

מיכאל וויכערט — „טעאַטער און דראַמע“, I, זז. 33-129.

יעקב זילבערט — יידיש טעאַטער אין ירושלים („טעאַטער-זכרונות“, רעד. ז. זילבערצווייג, ווילנע, 1928, זז. 38-32).

זילבערט, ליזאַ

געבוירן 1881 אין יאַסי, רומעניע. עלטערן — די אַקטיאָרן אַדאָלף און ביילע ראָזענבלום. שוין אַלס קינד פון 6 חדשים אַרויסגעפירט געוואָרן אויף דער בינע. אין עלטער פון 4 יאָר אָנגעהויבן שפּילן קינדער-ראָלן אין רומעניע אונטער איר פאָטערס דירעקציע און שפּעטער אין טרייטלערס טרופּע אין גאַליציע. אין עלטער פון 11 יאָר אויפגעטראָטן אַלס „אסתר המלכה“ אין גאָלדפאַדענס „אחשורוש“ אונטער איר פאָטערס דירעקציע אין יאַסי און פון דאַמאָלט אָן געשפּילט די פּרימאַדאָנאַ-ראָלן אין אָפּערעטען-רעפּערטואַר. אין עלטער פון 13 יאָר פאָרט ז. מיט איר פאָטערס טרופּע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דערנאָך שפּילט זי אַ יאָר יידיש טעאַטער אין עגיפּטן, און ווידער אין רומעניע, וואו זי האָט חתונה מיט יעקב זילבערט, שפּילט מיט אים אין דייטשלאַנד און אונגאַרן און וואַנדערט אויס קיין אַמעריקע, וואו זי שפּילט די ערשטע צייט דראַמאַטישע ראָלן, דערנאָך מוטער- און גראַנד-דאַמען.

ז. האָט אין אַמעריקע געשפּילט מיט די אָנגעזעענסטע כחות פון דער יידישער בינע. ז. איז אויך — מיט הספקות — געווען איניקע יאָר דירעקטאָרין פון טרופּעס. 1919-20 און 1923-4 — האָט ז. געשפּילט אין יידישן קונסט-טעאַטער אין אורווינג פּליים-טעאַטער (אָנפירונג בן-עמי), 1928-29 — אין יידישן קונסט-טעאַטער, 1929 — אָנגעהויבן שפּילן אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט-טעאַטער און איבערגעגאַנגען שפּילן אין ניו-יאָרק אויף ענגליש אין דער קאָמעדיע „מענדעל אינקאָרפּאָריטעד“ פון דייוו פרידמאַן.

ז'ס טאָכטער, ראָזאַ, איז געווען אַ יידישע אַקטריסע. איר זון, טעאָדאָר, איז פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער.

ש. ע.

י. ע. — אַ שעהנע „מירעלע אפרת" און אורוווינג פּלעיס טעאַטער, „דיא וואַרהייט", נ. י., 8 פעברואַר 1919.

זילבערט, ראָזאַ

[געב. 10 אָקט. 1900 — געשט. 21 יולי 1924]

געבוירן 10 אָקטאָבער 1900 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. עלטערן — יעקב און ליזאַ זילבערט. געענדיקט פּאַבליק-סקול און געלערנט אין האַי-סקול. פון 4 ביז 12 יאָר געשפּילט קינדער-ראָלן, נאָר איבערגעריסן דאָס שפּילן צוליב אירע למודים. שפּעטער אָנגעהויבן אַרויסטרעטן אין דערוואַקסענע ראָלן אין „זילבערטס דריטער סטריט-טעאַטער" אין ניו-יאָרק, דערנאָך אַרומגעפאָרן מיט אירע עלטערן איבער דער פּראָווינץ און געשפּילט ערשטע ראָלן מיט איר פאָטער בעת זייערע גאַסטראָלן אין בוענאָס-איירעס.

ז. האָט אויך געשפּילט אין מאָנט-מאָרים-טעאַטער ביי געביל, אין יידישן קונסט-טעאַטער (שניצער — בן-עמי), אויף דער פּראָווינץ מיט שילדקרויט און טרעט אַרויס שפּעטער אין ערשטע ראָלן אין דער אָפּערעטע, צוערשט אין ליבערטי און דערנאָך אין ליריק-טעאַטער. ז. האָט חתונה געהאַט מיטן מענעדזשער פון האָפּקינסאָן-טעאַטער, אָסקאַר גרין, וועלכער האָט פאַררופן דאָס טעאַטער אויף איר נאָמען.

אויף איר חתונה-נסיעה איז ז. דעם 21 יולי, 1924, אומגעקומען בעת אַ שיף-קאַטאַסטראָפע אויפן וועג פון באָסטאָן קיין ניו-יאָרק. ז. איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין ניו-יאָרק אויפן בית-החיים פון די יידישע טעאַטריקל עליינס.

אויף ז.'ס מצבה איז אויסגעקריצט אַ ליד פון א. ל. וואָלפסאָהן.

מ. ע. פון יעקב זילבערט.

יעקב קירשענבוים — דער טראַגישער טויט פון דער שוישפּילערין ראָזאַ זילבערט, „מאָ"זש", נ. י. 24 יולי 1924.

א. אייזיקסאָן — ראָזאַ זילבערט, די יונגע אידישע אַקטריסע, וועלכע איז אומגעקומען אויף דער באָסטאָנער שיף, „פאָרווערטס", 24 יולי, 1924.

י. מינאָלס — דער טראַגישער טויט פון ראָזאַ זילבערט, „דער טאָג", נ. י. 25 יולי, 1924.

זילבערמאַן, אסתר

פרוי פון אַקטיאָר משה זילבערמאַן. ז. האָט אין 1877 געשפּילט צוזאַמען מיט איר מאַן ביי מאָגולעסקאָ, דערנאָך אין לאָנדאָן. אין 1883 איז זי געקומען אין אַמעריקע צוזאַמען מיט איר מאַנס ערשטער פּראָפעסיאָנעלער יידישער טרופּע, וואו זי האָט געשפּילט סוברעטין-ראָלן.

ש. ע. פון יאָזעף לאַטיינער.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I, ז. 242, II, ז. 30.

זילבערמאַן, מאָריס, דר.

געב. 1881 אין פעלשטין, פּאָד. גוב., אוקראַאינע. מצד דעם פאָטער — סוחרים און למדנים, מצד דער מוטער — רבנים און חזנים. געלערנט אין חדר און דערנאָך אין בית-המדרש. אין עלטער פון 18 יאָר פאָרט ז. קיין אָדעס, דאָרט ווערט ער אַן עקסטערן, דערגרייכט ביז 6טער קלאַס גימנאַזיע און מוז פאַרלאָזן רוסלאַנד.

אין 1903 קומט ער אין אַמעריקע, וואו ער הויבט אָן מיטצואַרבעטן אין די טעגלעכע צייטונגען. עס דערשיינט אויך אין „היב. פּאָב. קאָמפּ." (ניו יאָרק 1911) זיינס אַ באַנד איבערזעצונגען פון ד'אַנונציא.

אין 1911 ווערט ז. דאָקטאָר מעדיצין.

אין 1924 הויבט ז. אָן שרייבן פּיעסן פאַר דער יידישער בינע.

אויפגעפירט זיינען געוואָרן זיינע פּיעסן „שיינע חלומות", (1924 אין באָסטאָן), „דער פריילעכער סטודענט", (1925 אין באָסטאָן) און „דער לעצטער מאָמענט" (1926 אין באָסטאָן).

ש. ע.

זילבערמאַן, משה

[געב. . . . — געשט. . . .]

געבוירן אין רומעניע און אַלס יינגל געווען, צוזאַמען מיט די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן מאָגולעסקאָ, צוקערמאַן און דינמאַן, אַ משורר ביים חזן קופּער אין בוקאַרעסט. ווען גאָלדפאַדען קומט אין בוקאַרעסט, ווערט ז. אַריינגענומען אין דער טרופּע, וואו ער שפּילט „לעאָן" אין „די שטומע כלה" און ווערט באַלד פּאָפּולער אַלס אַקטיאָר. אָבער אַזוי ווי ז. ווייזט אַרויס פעאיקייטן פאַר געשעפט, נעמט אים גראָדנער אַריבער אין זיין טרופּע, וועלכע ער גרינדעט אין יאַסי. שפּעטער (1877) גייט ז. איבער אין מאָגולעסקאָס טרופּע, דערנאָך ווידער צוריק צו גאָלדפאַדען אין אָדעס, וואו ער האָט אַ גרויסן דערפאָלג אַלס אַקטיאָר. אין 1881 איז ז. אויפגעטראָטן אַלס „אַליעזר" אין לערנערס באַאַרבעטונג פון סקריבס „זשידאָווקאַ" („די יידין").

אַרומשלעפנדיק זיך מיט פאַרשיידענע טרופּעס ביז צום פאַרווער צו שפּילן יידיש אין רוסלאַנד, אָרגאַניזירט ז. אַ טרופּע (ז. און זיין פרוי, היינע-חיימאָוויטש און פרוי, באַראַדקין און פרוי א. א.) צו פאָרן קיין אַמעריקע. אויפן וועג שטעלן זיי זיך אָפּ אויף אַ קורצער צייט אין לאָנדאָן, וואו עס שטייען צו צו דער טרופּע מאַקס קאַרפּ, יוסף וואַכטעל און יאָזעף לאַטיינער אַלס מחבר און סופלער, און אַלע צוזאַמען פאָרן זיי סוף 1883 קיין אַמעריקע.

אַלס אָנפירער פון דער ערשטער פּראָפעסיאָנעלער יידישער טרופּע אין אַמעריקע האָט ז. אייניקע יאָר געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָל אין דער יידישער טעאַטער-וועלט. ער איז אָבער מיט דער צייט אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון אַלע פּאָזיציעס און איז אין 1896 אָפּגעפאָרן קיין דרום-אפריקע, וואו ער איז אין יאָהאַניסבורג (צוזאַמען מיט מאַנדעלטאַרט און פרוי) געוואָרן דירעקטאָר פון דער יידישער טרופּע אין דער דאָרטיקער צירק-געביידע און האָט קאָנקורירט קעגן צווייטן יידישן טעאַטער (ראָיאַל, דירעקציע קאַצמאַן און וואַלערשטיין). אָבער אַזוי וויביידע טרופּעס מאַכן שלעכטע געשעפטן, פאַראייניקן זיי זיך נאָך אַ קורצער צייט און גייען

איבער אין ראָיאַל-טעאַטער. נאָכן סעזאָן איז די פאַראייניקטע טרופּע געפאָרן איבער דער פּראָווינץ און צוריקגעקערט קיין יאָהאַניסבורג.

צוריקגעקומען אין אַמעריקע, האָט ז. מער נישט באַוויזן צו פאַרנעמען קיין אָרט אין יידישן טעאַטער. ער דאַוונט ימים-נוראים פאַרן עמוד, עפנט אַ ביר-האַלע אין ווינדזאָר-טעאַטער און איז דערנאָך אַ געוויסע צייט אַ טיר-שטייער אין טאָמאַשעווסקים טעאַטער.

ז. איז געשטאָרבן אין ניו-יאָרק.

מ. ע. פון באָרים טאָמאַשעווסקי, יצחק בליפעלד און בעני שפּיצער.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ I, זז. 182, 183, 185, 192, 211, 242, II, זז. 30, 45, 197.

דייוויד קעסלער — מיר שפּילען אין נעשאָנאַל טעאַטער, „דער טאָג“, נ. י. 11 מערץ, 1917.

ה. הערש — אידיש טעאַטער אין דרום-אַפריקע, „דרום-אַפריקע“, 5, 1928.

שלום פּערלמוטער — דער אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער, „די אידישע וועלט“, קליוולאַנד, 4 יוני 1929.

זילבערמאַן, עלאַ

[זיגלער]

געבוירן 7 אַפּריל 1901 אין טשערנאָוויץ, בוקאָווינע. עלטערן — די אַקטיאָרן ראָזאַ און מאָריץ זיגלער. געענדיקט אַ פאָלקס-בירגער- און האַנדעס-שול. אָנגעהויבן אין כאָר אין יאַסי און דערנאָך געוואָרן צווייטע סובּרעטין אין דער טרופּע פון אירע עלטערן, אַרויסטרעטנדיק דאָרט מיט הפסקות.

ש. ע.

זילבערמאַן, קאַרל

געבוירן 1883 אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — אַ באַזיצער פון אַ מעבל-וואַרשטאַט, אַ בעל-תּפילה, אַ מנגן. געווען אַ משורר צוערשט ביים פאָטער, דערנאָך ביי ר' משהלע חזן אין דער גרויסער שול. באַזוכנדיק אָפט דאָס טעאַטער, אַנטוויקלט זיך ביי ז. אַ חשק צו דער בינע.

אויף דער איניציאַטיוו פון זיין חבר, דעם שפּעטערדיקן אַקטיאָר אהרן מיטעלמאַן, טרעט ז. אַריין (אָן דעם וויסן פון זיין פאַמיליע) אין 1899 אין קוואַרטעט פון מיטעלמאַן, באַראַן און גיזעץ. אַ יאָר שפּעטער שטאַרבט ז.'ס פאָטער, מוז ז. פאַרלאָזן די בינע און איבערנעמען דעם פאָטערס וואַרשטאַט.

מיטן געדאַנק צו עמיגרירן קיין אַמעריקע, לאָזט זיך ז. אין דער וועלט אַריין. זינגט דערוויל אין ווין אין רעסטאָראַנען, פאַרבינדט זיך אין היל (ענגלאַנד) מיט אַ דראַמאַטישן פאַריין, וואו ער טרעט אויף אַלס „שמענדריק“, גייט דערנאָך איבער אַלס כאַראַקטער-קאָמיקער קיין מאַנטשעסטער אין דער דאָרטיקער פּראָפעסיאָנעלער יידישער טרופּע (אסתּר וואַקסמאַן, קאַפּלער, יאַקובאָוויטש און פרוי), שפּילט אַ קורצע צייט מיט טרייטלערס טרופּע און ווידער מיט אסתּר וואַקסמאַנס טרופּע, דערנאָך אין ליווערפּאָל מיט מאַקס

קורץ, הערי פיינבערג, גאַזאָווסקי און אבא ראָזענצווייג און אַ קורצע צייט אויף קאָנצערטן מיט אברהם גאָלדפאַדען.

אָנגעקומען אין אַמעריקע, איז ז. אויפגעטראָטן ביי טש. נאַטאַנסאָן אין פילאַדעלפיע, דערנאָך געשפּילט אַ לענגערע צייט אין וואָדעוויל ביי גאָלובאָק אין ברוקלין, שפּעטער לעגיטים טעאַטער ביי זילבערט אין באָסטאָן, און נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער אַקטיאָרן-יוניע, פאַרלאָזט ער די בינע און עפנט אַ מעבלגעשעפט.

ש. ע.

זילבערצווייג, זלמן



געבוירן 27 סעפּטעמבער 1894 אין אָזאָרקאָוו, ביי לאָדזש, פּוילן. פאָטער — אַ סוחר, אַ משכיל, האָט געשריבן פון צייט צו צייט אין „הצפירה“ און אין 1907 פאַרעפנטלעכט וועכנטלעכע פעליעטאָנען א"פּ „צבי“ה“ אין „לאָדזער נאַכריכטען“, פון וועלכער ער איז געווען אַ ניט-אָפיציעלער מיט-אַרויסגעבער. 1896 — טראָגט זיך איבער די פאַמיליע קיין לאָדזש. דאָרט לערנט ז. אין חדרים-מתוקנים. אַלס קינד געווען פּאָפּולער אין שטאָט אַלס „שירי-ציון-זינגער“. 1905—אַריינגעטראָטן אַרבעטן אין דער אָרטיקער ערשטער מאָדערנער יידישער בוכהאַנדלונג פון זיין פאָטער, וואו ער זאַפּט זיך אָן מיט דער העברעאישער, יידישער און איבערזעצטער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. דערנאָך געלערנט אַ האַלב יאָר אין דער לידער ישיבה, געאַרבעט אַ קורצע צייט אַלס ערד-אַרבעטער אין פאַרם פון טשענסטאָניעוו, געלערנט פּריוואַט ביי לערער און געווען אַ האַנדלס-אָנגעשטעלטער אין פאַרשיידענע אונטערנעמונגען. אין 1910 דעביוטירט א"פּ „סאָלאָמאָן“ מיט איבערזעצונגען אין „לאָדזער טאַגעבלאַט“ און אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבן. פילנדיק אַ נייגונג צום טעאַטער, האָט ז. באַלד נאָכן ערשטן באַזוך אין יידישן טעאַטער איבערזעצט די פּיעסע פון אַקטיאָרן-לעבן „קין“. שפּעטער באַטייליקט זיך ז. אין העברעאישע, דערנאָך אין יידישע „ליבהאָבער“-פאָרשטעלונגען און גרינדעט אין 1912 אַ „ליבהאָבער“-קרייז, פריער אויף זיין נאָמען, דערנאָך א"נ „לידאַ“, אין וועלכן ער רעזשיסירט און שפּילט אין לאָדזש און איבער דער פּוילישער פּראָווינץ, צוזאַמען מיט זיין פרוי מרים, העברעאיש און יידיש, ביז 1918.

1912 — איז אין לאָדזשער צירק-טעאַטער (דיר. נ. ליפּאָווסקי און יוליוס אַדלער) אויפגעפירט געוואָרן ז.'ס באַאַרבעטונג פון דער דייטשער פאַרס-אָפּערעטע „ראָבערט און בערטראַנד“.

1913 — איז ז. אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס טעאַטער-איבערזעצער אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער, וועלכער האָט אויפגעפירט זיינע איבערזעצונגען: „קין („קין“ אָדער „זשעניע און ליידענשאַפט“, פּיעסע אין 5 אַקטען פון א. דיומאַ (פאָטער), לאָדז, 1913, 100 ז. 16°), „האַמלעט“ פון וו. שעקספּיר, „שמשון און דלילה“ פון סווען לאַנגע און „די אָנגעשטעקטע“ פון בריע.

ז. האָט אויך איבערזעצט „אַ מאַמע“ פון מ. קוזניצקי (אויפגעפירט דורך ז.'ס טרופּע), „דער אַנדערער“ פון פּאול לינדוי (אויפגעפירט דורך מ. ד. וואַקסמאַן אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער), „הינטער מויערן“, פּיעסע אין 4 אַקטן פון ה. נאַטאַנסאָן (פּ"ג „צענטראַל“, וואַרשע, 1922, 102 ז. 16°, אויפגעפירט אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער, דיר. וואַקסמאַן-אַדלער), „פאַרברעכן און שטראָף“, לויט

איר רוסישער דראַמאַטיזירונג פון דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַן (אויפגעפירט דורך יוליוס אַדלער אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער), „די טייוול־פרוי“, טראַגעדיע אין 5 אַקטן פון קאַרל שענהער (געשפילט דורך ג. זאַריצקאַ איבער דער פּוילישער פּראָווינץ), „יאָהאַניספייער“, דראַמע אין 4 אַקטן פון הערמאַן זודערמאַן (אויפגעפ. דורך מאַרעוואַסקי אין לאָדז. דראַמ. טעאַטער, דערנאָך דורך „די ווילנער“), „דער מבול“, קאָמעדיע אין 3 אַקטן פון ה. בערגער, (פ״ג „צענטראַל“, וואַרשע, 1922, 78 ז. °16, אויפגעפירט אין וואַרשעווער צענטראַל־טעאַטער) און די נאָך ניט געשפּילטע „פרוי וואָרענס פּראָפעסיע“, קאָמעדיע אין 4 אַקטן פון בערנאַרד שאָו, „די פאַרליבטע“, דראַמע אין 3 אַקטן פון וו. גרובינסקי, „גייסטער“, דראַמע אין 3 אַקטן פון הענריק איבסען, און אויף העברעאיש: „הנודד הנצחי“, איינאַקטער פון הערמאַן הייערמאַנס (פ״ג „הבימה“, לודז 1917), וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין פאַרשיידענע שטעט.

ז. האָט באַאַרבעט די פּיעסעז: „איין געמאַכטער מאַן“ פון יאַקובסאָן [וועלכע איז אין דער באַאַרבעטונג פון י. ל. בוימוואַל געשפּילט געוואָרן אַלס ב.׳ס קאָמעדיע א״נ „לעבעדיק און לוסטיק“], „דער יידישער רעוואָלוציאָנער“, מעלאָדראַמע לויט מאַרקאָוויטש (געשפּילט דורך וואַקסמאַן אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער), „זי“, לויט פּאַול לינדוים “דער אַנדערער“ (געשפּילט דורך אסתר רחל קאַמינסקי אין לאָדז. דראַמ. טעאַט.) און האָט דראַמאַטיזירט (צוזאַמען מיט זיין ברודער נתן) ל. שרייבערס ראָמאַן „די שרעקלעכע סודות“ (געשפּילט 1914 אין לאָדזשער סקאַלאַ־טעאַטער). ער האָט אויך אָנגעשריבן דעם איינאַקטער „ודוי“ (אויפגעפירט 1912 אין לאָדז. פּויל. טעאַט.), „פּאָזנאַנסקי און קאָן“, לאָקאַלע קאָמעדיע אין 2 אַקטן (אויפגעפ. 1924 אין לאָדז. סקאַלאַ־טעאַטער דורך קאָמפּאַנעיעצס טרופּע) און די מעלאָדראַמען [אויף פּרעמדע סוזשעטן]: „מיט פאַרמאַכטע אויגן“ (אויפגעפ. דורך זיין טרופּע אין זגערזש), „מאַן און ווייב“, „די שטאָלצע פרוי“, „די פאַרברעכער“ א. א.

פון ז.׳ס איינאַקטערס זיינען געדרוקט: „איר שוועסטער“ (פ״ג „יידיש“, וואַרשע, 1920) און „חרטה“, קינדער־פּיעסע (פ״ג „אונזער טעאַטער“, לאָדז), פון די באַאַרבעטע איינאַקטערס: „קלעפּטאָמאַניע“ פון מאַקס האַרטונג, „אַ רעצעפּט קעגען שוויגערס“ פון דיאַנאַ (פ״ג „יידיש“, וואַרשע, 1920), „די צוויי טויבע“ פון מאָאַנאַ, „אַ צימער צו פאַרדינגען“ פון פּאָפּלאַווסקי און גאַלאַנסקי, „די פאַרליבטע“ פון אָרמאַן ראָזאַ, „אַלץ צוליב ליבע“ פון גאַרדינעט, „דאָקטאָר רובינשטיין“, פון פּרעדראַ, „דער מעדאַליאָן“, „נאָך צוועלף“ פון לאַביש, „דיאַנאַ“ פון היל, „דער אַמעריקאַנער חתן“ פון לאַביש, „אויף אַ פאַלשן אַדרעס“ פון מישעל, „דאָס מיספאַרשטענדניש“ פון ל. וו., „דער קעניג“ פון טרעכיוו, „ליבשאַפט איז קיין ברודערשאַפט“ פון ר. מילך און „הערקולעס“ פון בעל (אַלע דערשינען אין פ״ג א. גיטלין, וואַרשע, 1919-21); און פון די איבערזעצטע איינאַקטערס: „עפּיזאָד“ פון אַרטור שניצלער, „אַמנעסטיע“ פון הערמאַן הייערמאַנס, „דאָס איבערגעריסענע ליד“ פון ע. אָרזשעשקאָוואַ, „דער טייסטער“ פון אָקטאַוו מירבאָ, „פּיעטראַ קאַרוזאָ“ פון ראָבערטאָ בראַקאָ, „דער קאָמעדיאַנט“ פון געאָרג פּרעשל (אַלע דערשינען אין פ״ג „יידיש“, וואַרשע, 1920), „דער געצוואונגענער טראַגיקער“ פון א. טשעכאָוו, (פ״ג א. גיטלין, וואַרשע, 1921), „חנה און די זיבן זין“ פון מ. מאַנאַסעוויטש (פ״ג „אונזער טעאַטער“, לאָדז), „די שיינע פרוי“ און „דער נודניק“ פון א. אַווערטשענקאָ („לאָדז. טאַגבל“, 1918).

אַלע איינאַקטערס זיינען געשפּילט געוואָרן דורך „ליבהאָבער“־קרייזן און דורך פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס.

1915-1924 — האָט ז. אַלס מיטאַרבעטער און שפּעטער אַלס מיטרעדאַקטאָר פון „לאָדזער טאַגעבלאַט“ פאַרעפנטלעכט דאָרט פיל קריטישע אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער און אין 1922 רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן (צוזאַמען מיט לאַזאַר קאַהאַן) דאָס וואָכנבלאַט „טעאַטער און קינאָ“. דערנאָך האָט ז. אַליין רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן דאָס וואָכנבלאַט „טעאַטער און קונסט“ און אין 1923 (ווידער צוזאַמען מיט לאַזאַר קאַהאַן) פאָרטגעזעצט דאָס וואָכנבלאַט „טעאַטער און קונסט“. 1924 איז ז. אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל אַלס קאָרעספּאָנדענט פון יידישע צייטונגען.

אַ געוויסער טייל פון ז.׳ס טעאַטער־אַרבעטן אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבן איז דערשינען אין די ביכער „הינטערן פאָרהאַנג“ (207 זז.), „וואָס דער יידישער אַקטיאָר דערציילט“ (72 זז.) און „טעאַטער־זכרונות“ (106 זז.) — אַלע ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין, 1928.

ז. איז געווען דער זאַמלער פון די מאַטעריאַלן און דער רעדאַקטאָר פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט“, I, זז. 1078-80.

ח. ש. ק. — קינדער ליטעראַטור, „ביכער וועלט“, וואַרשע, 4-5, 1922

מ. ווייכערט — טעאַטער און קינאָ „ביכער־וועלט“ „ „

מאַרק טורקאָוו — ווען מ׳פּטרט אַ קאָנקורענט . . ., „טעאַטער און קונסט“ לאָדז, 10 מערץ 1924.

ל. מלאך — זלמן זילבערצווייג — באַשאַפער פון דער טעאַטער־ענציקלאָפּעדיע, „דער אידישער זשורנאַל“, טאָראָנטאָ, 24 אַפּריל) 1928.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג“, ווילנע 1928 זז. 157-207.

זלמן זילבערצווייג — „טעאַטער־זכרונות“, ווילנע, 1928, זז. 46-58.

זלמן זילבערצווייג — וואָס האָב איך אויפגעטאָן אין רומעניע פאַרן לעקסיקאָן פון אידישן טעאַטער?, „אונזער צייט“, קעשעניעוו, 1 סעפּט., 1928.

יעקב וואַקסמאַן — די היינטיקע אַקאַדעמיע אין טעאַטער פאַנטעאָן, „לובלינער טאַגבלאַט“, 27 יולי 1928.

יעקב באָטאַשאַנסקי — צווישן ביכער און מחברים, „די פּרעסע“, ב. א. 15 פעברואַר, 1929.

אלחנן צייטלין — אינטערעסאַנטע גאָלדפאַדען־ און גאָרדין־מאַטעריאַלן, „ליט“בלט“, 41, 1929.

דר. א. מוקדוני — אַ פּעקל ביכער, „מאָ“זש“, נ. י. 13 אָקט., 1929.

יעקב מעסטעל — טעאַטער־ביכער, „מאָרגען פרייהייט“, 8 יולי, 1929.

א. אלמי — טעאַטער־זכרונות און אַנעקדאָטן, „פרייע אַרבייטער שטימע“, 7 מערץ 1930.

עמיליע אַדלער — דאָס לעבען פון אַ אידישער אַקטעריסע, „די אידישע וועלט“, קליוולאַנד, 28, 31 אָקטאָבער, 7, 14 נאָוועמבער, 1930.

זילבערצווייג, נתן



געבוירן 25 מאַי 1899 אין לאָדזש, פּוילן. ברודער פון זלמן. געלערנט אין חדרים מתוקנים, געענדיקט די האַנטווערקער־שול און פאָרטגעזעצט זיך לערנען פּריוואַט ביי לערער. אין עלטער פון 10 יאָר זיך באַטייליקט אין העברעאישע שול־פאָרשטעלונגען און אין 1911 — אין די העברעאישע פאָרשטעלונגען א״ל פון יצחק קאַצענעלזאָן. אין מלחמה־צייט מיטגעשפּילט אין דער יידיש־העברעאישער טרופּע פון זיין ברודער, וואו ער איז אויך געווען פאַרוואַלטער.

ז. האָט (צוזאַמען מיט זיין ברודער) דראַמאַטיזירט דעם ראָמאַן „די שרעקלעכע סודות“ פון ל. שרייבער (געשפּילט אין סקאַלאַ־טעאַטער אין לאָדזש דורך אַדלער־סיעראַצקים טרופּע) און (צוזאַמען מיט זיין ברודער) באַאַרבעט דעם איינאַקטער „די צוויי טויבע“ נאָך מאָאַנאַ (פ״ג א. גיטלין, וואַרשע), האָט איבערזעצט לערמאָנטאָווס טראַגעדיע „די שפּאַניער“ „א״נ „יידיש בלוט“ (אויפגעפ. דורך אַדאָלף בערמאַן אין דער פּוילישער פּראָווינץ), ל. אַנדרעיעווס „דער געדאַנק“ (פ״ג „די צייט“, וואַרשע, 1923, 78 ז. °16), [על

פי טעות אָנגעגעבן זיין ברודערס נאָמען, זלמן, אַלס איבערזעצער] און די איינאַקטערס: „דער ערלעכער גנב" פון לונצער (פ"ג א. גיטלין, װאַרשע) און „דער 31 פעװראַל" פון װיקטאָר רישקאָװ (פ"ג „יידיש", װאַרשע).

ש. ע.

זילבערקאַסטען, משה

געב. 5 נאָװ. 1891 אין װאַרשע, פּױלן, ביי עלטערן חסידים, קליינהענדלער. װאױנענדיק אין שכנות מיטן פּױלישן פאָלקס-טעאַטער, האָט ז. אין דער פריסטער יוגנט געהאַט די געלעגנהייט דאָרט צו װערן אַ סטאַטיסט, און פלעגט אין דער היים נאָכקאָפּירן די אַקטיאָרן.

אין 1907 אָרגאַניזירט ז. אַ ליבהאָבער-גרופּע מיט װעלכער ער פירט אויף „אוריאל אַקאָסטאַ". אייניקע פון דער גרופּע, צװישן זיי ז. און מישע גערמאַן, אָרגאַניזירן זיך שפּעטער אַלס פּראָפעסיאָנעלע טרופּע און פאָרן אַרום איבער פּױלן און רוסלאַנד.

אין 1909 טרעט ז. אַרײַן אין יוליוס אַדלערס טרופּע. אין 1910 שפּילט ז. צוזאַמען מיט זאַסלאַװסקי, זשעלאַזאָ און נעמי אין ליפּאָװסקיס „ערשטער יידישער פאָלקס-טעאַטער" אין װילנע.

אין 1911 באַטייליקט ער זיך אין דער אָפּערעטן-טרופּע פון סאַנדלער, ליבערט און קאָמפּאַניעץ אין װאַרשע. דערנאָך שפּילט ער אין דער װאַרשעװער פאַראייניקטער טרופּע, װעלכע מאַכט אַ טורנעע איבער דרום-רוסלאַנד מיטן רעפּערטואַר פון גאָרדין, אַש, פּינסקי, איבסען און זודערמאַן.

בעתן אויסבראָך פון דער װעלט-מלחמה געפינט זיך ז. אין כאַרבין, אַלס רעזשיסער פון ליפּאָװסקים טרופּע. צוליב מיליטערישע סבות פאַרלאָזט ער אין 1916 כאַרבין און איבער יאַפּאַן װאַנדערט ער אויס קיין אַמעריקע, װאו ער װערט צוזאַמען מיט סעמיועל גאָלדענבורג אַנגאַזשירט צו משה שאָר. אין 1917 װערט ז. אַ מיטגליד אין דער יוניע, שפּילט דערנאָך 6 סעזאָנען ביי אַנשל שאָר אין פילאַדעלפיע, דאַן אַ סעזאָן אין באָסטאָן ביי דזשוליוס נאַטאַנסאָן, אַ סעזאָן אין פּאָלי-טעאַטער אין שיקאַגאָ, 1926-9 אין יידישן קונסט-טעאַטער און 1929-30 אין פילאַדעלפיע.

ז. איז געװען אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיװ פון דער יוניע.

מ. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע, „מאָ"זש", נ. י. 24 דעצ., 1926.

זילבערשטיין, משה

געב. 18 יולי 1875 אין װאַרשע, פּױלן. פאָטער — אַ שניידער. געלערנט אין אַ חדר.

אין 1886 װאַנדערט אויס די פאַמיליע קיין אַמעריקע, דאָ לערנט ז. שניידעריי און באַזוכט אין די אָװנטן דאָס יידישע טעאַטער. ער זעט שפּילן מאָגולעסקאָן און װערט אַזוי נתפּעל פון זיינע „שטיק", אַז ער באַשליסט צו װערן אַן אַקטיאָר.

אין 1892 פאָרט ז. קיין באַלטימאָר און אונטער דער דירעקציע פון לעװינקע טרעט ער אויף אין דער מעלאָדראַמע „30 יאָר" אָדער „דאָס לעבן פון אַ קאָרטנשפּילער". דערנאָך טרעט ער אַרײַן אין װאָדעװיל, קומט צוריק אין ניו-יאָרק אַלס קאָמיקער און שפּילט זייט דאַמאָלט מיט די באַרימטסטע אַקטיאָרן אונטער פאַרשיידענע דירעקציעס.

1926 — האָט ז. געשפּילט אין דעם אַמעריקאַנעם טייל פון דער „װילנער טרופּע" אין ליפּצין-טעאַטער, 1927-8 אין האָפּקינסאָן-טעאַטער, 1928-9 אַ קורצע צייט אין באָסטאָן און 1929-30 אין דעטרויט.

אַמפּלואַ — כאַראַקטער-קאָמיקער.

מ. ע.

זילבערשטיין, שמעון



געבוירן 15 מערץ 1886 אין װאַרשע, פּױלן. פאָטער — קאָמיסיאָנער פון שפּייז-אַרטיקלען. געלערנט אין חדר און פּראָגימנאַזיע. געזונגען ביי די חזנים לעװאַנדאָװסקי, גריצהענדלער און לעװענזאָן און דערנאָך געשפּילט קינדער-ראָלן ביי פישזאָן.

באַקומענדיק אַ טענאָר-שטים, איז ז. אַריינגעטראָטן אין כאָר ביי קרױזע, װאו ער האָט אויך אָנגעהויבן שפּילן עפּיזאָדן-ראָלן, דעביוטירנדיק אַלס „יאַנקעלע" אין „דודס פידעלע" אין זשאַרדען ד'היװער.

נאָכן שפּילן 4 יאָר אין װאַרשע ביי קאַמינסקי, עפּעלבערג, טיטעלמאַן, דערנאָך אין לאָדזש ביי זאַנדבערגן און צוריק אין װאַרשע ביי קאָמפּאַניעץ, איז ז. אין 1911 געקומען אין אַמעריקע און אייניקע יאָר אַרומגעװאַנדערט מיט פּראָװינץ-טרופּעס. צוריקגעקומען אין ניו-יאָרק, איז ער אייניקע יאָר געװען דיריגענט פון אַן אייגענעם כאָר פאַר שול, דערנאָך געװאָרן אַ פּאַקעט-בוך-אַרבעטער און שפּעטער אַ באַזיצער פון אַ רעסטאָראַן.

מ. ע.

זימאַן, ענני

געב. 17 מערץ 1885 אין סאַמבאָר, גאַליציע. פאָטער — אַ בוכבינדער.

געקומען אַלס קינד מיט די עלטערן אין אַמעריקע. דאָ לערנט זי אין פּאַבליק סקול און װערט צוליב איר אַלט-שטים אין 1901 אַריינגענומען אין װאָדעװיל, װאו זי שפּילט 4 יאָר אויף ענגליש און יידיש.

איר ערשטער אויפטריט אין לעגיטימען יידישן טעאַטער איז אין שאָרס פּיעסע „די ערשטע ליבע". פון דאַמאָלט אָן שפּילט זי אין דעטרויט, פילאַדעלפיע, ניו-יאָרק, באָסטאָן און נעשאַנאַל-טעאַטער אין ניו-יאָרק. 1921-7 שפּילט ז. אין נוארק אין עלװינגס טרופּע, 1927-8 אין מעקינלי סקװער טעאַטער אין בראָנקס, 1928-9 אין טאָראָנטאָ און 1929-30 — אין באָסטאָן.

אַמפּלואַ — סוברעטין.

מ. ע.

זימאַנד, איווא

[חוה-אסתר שטייסל]

געב. 9 פעב. 1881 אין לעמבערג, גאַליציע, געלערנט אין אַ פּראָגימנאַזיע. אין עלטער פון 10 יאָר געזונגען אין כאָר פון דאָרטיקן טעמפּל און גלייכצייטיק דורכגעמאַכט 4 יאָר שטים-בילדונג ביי פּראָפ. וויסאָצקי פון לעמבערגער קאָנסערוואַטאָריע און ביי דער מוזיק-פּעדאַגאָגין פּאַאולינאַ סטרוזשעצקאַ.

באַקומענדיק די סאָקאָל-סטיפּענדיע איז ז. אין 1898 געפאָרן קיין ווין שטודירן אין קאָנסערוואַטאָריום, אָבער צוליב דער מוטערס קראַנקהייט האָט זי געמוזט אויפגעבן איר סטודיום.

אין 1901 טרעט ז. אויף צום ערשטן מאָל אין יידישן טעאַטער אין לעמבערג אונטער דער דירעקציע פון גימפּעל. אין 1902 פאָרט זי אַרום איבער דער פּראָווינץ מיט זעליג שאָרס טרופּע און אין זעלבן יאָר פאָרט זי אַוועק קיין אַמעריקע, וואו זי טרעט אויף אין פּיפּעלס מוזיק-האָל. אין 1904 פאָרט זי מיט אבא שיינגאָלד איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ און שפּעטער מיט אַנדערע טרופּעס.

אין 1912 איז ז. דירעקטאָר פון אַ טרופּע אין דעטראָיט, 1918 — דירעקטאָר פון אַ טרופּע אין מאָנטרעאַל, 1926 — שפּילט זי אין לענאָקס-טעאַטער, 1927-8 אין נוארק ביי עלווינג, אין 1928-9 — אין סט. לואיס.

ש. ע.

זינגמאַן, קלמן

[געב. 1 נאָוועמבער 1889 — געשט. 30 מערץ 1929]

געבוירן 1 נאָוועמבער 1889 אין סלאָבאָדקע, פאָרשטאָט פון קאָווּנע, ליטע. געלערנט ביז 14 יאָר אין חדר און ישיבה, דערנאָך געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ מאַנופאַקטור-געשעפט. 1909 — דעביוטירט מיט אַ ליד אין זמ״ב „שטראַהלען“ פון א. ליטווין. נאָך דער מערץ-רעוואָלוציע געגרינדעט אין כאַרקאָוו דעם פאַרלאַג „אידיש“, וואו ער פאַרעפנטלעכט זיין איינאַקטער „באַ דער אָזערע“ און א״פ „קלונימוס“ זיין צייט-בילד „אַ חלום פון אַ געוועזענעם“ (פּאָלטאַווע 1917).

1921 — צוריקגעקערט קיין קאָוונע, וואו ער גיט זיך אָפּ מיט ליטעראַרישע אַרבעטן. צוליב זיין געזונט-צושטאַנד זיך באַזעצט דערנאָך אין קרים, וואו ער איז דעם 30 מערץ 1929 געשטאָרבן אין סימפעראָפּאָל פון אַ מאַרך-אַנטצינדונג.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 1082-3.

זינגער, אַדעלאַ

[געב. בערך 1862 — געשט. 4 אַפּריל 1922]

געבוירן בערך 1862 אין שעראַדז, פּוילן. פאָטער — אַ וויאָליניסט, מוטער — אַ גרטע, די געוועזענע גרעפין דעמבסקאַ [?]. באַזוכט אַ שול, אויך געלערנט מוזיק. צוליב דער שלעכטער באַהאַנדלונג מצד איר שטיף-מוטער אַנטלויפט זי צו אירע קרובים אין וואַרשע און צוזאַמען מיט אירע שוועסטער טרעט זי אַרויס אין טערצעט זינגער (געזאַנג און טענץ). געפינענדיק זיך די גאַנצע צייט אין אַ ניט-יידישער סביבה, איז פאָר ז. דער קאָנטאַקט מיטן יידישן טעאַטער-קוואַרטעט פון ברידער שטיין (שליפערשטיין, ראָטשטיין, פיינשטיין און בערל בערנשטיין) אַזאַ איבערראַשונג, אַז זי פאָרט נאָך דעם קוואַרטעט איבער רוסלאַנד, ביז אין פּינסק טרעט זי אַריין אין שמ״רס טרופּע און שפּילט מיט אין זיין פּיעסע „דער טרייפּניאַק“, דערנאָך פאָרט זי צוריק קיין לאָנדאָן, וואו זי שפּילט ביי סמיט אין פּרינצעס-קלאָב, אַרויסטרעטנדיק שוין אַלס פּרימאַדאָנע.

נאָך איר חתונה מיטן אַקטיאָר יוליוס פראַנד פאָרט ז. אַרום מיט יידיש טעאַטער איבער דער ענגלישער פּראָווינץ, שפּילט אויך אין לאָנדאָן און פאָרט אָפּ קיין אַמעריקע, וואו זי טרעט אויף אין ניו-יאָרק אַלס „דינה“ אין „בר כוכבא“. שפּעטער שפּילט ז. אייניקע יאָר ענגליש וואָדעוויל אונטער איר מאַנס דירעקציע אין באַלטימאָר אין פראַנט-סטריט טעאַטער. צוליב בענקשאַפט נאָכן פאָטער פאָרט ז. צוריק קיין לאָנדאָן, וואו זי שפּילט 2 יאָר אין סקעטשעס אויף יידיש, באַטייליקנדיק זיך אין פּיעסען נאָר אין די נאָכמיטאָג-פאָרשטעלונגען.

ז.'ס גרעסטער דערפאָלג איז געווען אַלס טענצערין פון פּויליש-נאַציאָנאַלע טענץ.

דעם 4 אַפּריל 1922 איז ז. געשטאָרבן אין לאָנדאָן און געקומען צו קבורה אויפן איסטהעם מענערפּאַרק בית-עולם.

מ. ע. פון איר מאַן יוליוס פראַנד, עליאַס ראָטשטיין און ה. פיינשטיין.

זינגער, איידאַ

[גלאָדשטיין]

געב. 7 דעצ. 1889 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַ פעלדשער, מוטער — אַ הייבאַם.

אין עלטער פון 12 יאָר געקומען קיין אַמעריקע, וואו זי לערנט יידיש און ענדיקט אַ פּאָבליק-סקול.

איר ערשטער אויפטריט אויף דער יידישער בינע איז אין שיקאַגאָ אַלס „די רביצין“ אין זאָלאָטאַרעווסקיס „ישיבה בחור“, (געשפּילט דורך עליאַס ראָטשטיין), דערנאָך שפּילט זי אין לאָנדאָן מיט אַדלער, מאָשקאָוויטש און פיינמאַן.

צוריקגעקומען אין אַמעריקע, טרעט ז. אַריין אין יידישן וואָדעוויל, און נאָך דער חתונה מיטן אַקטיאָר פישל זינגער, פירן זיי צוזאַמען אַ דירעקציע פון יידיש טעאַטער אין מאָנטרעאַל, טשעלסי און באָסטאָן.

1923-7 שפּילט ז. אויף ענגליש אין דער פּיעסע „אייבים איירישראָוז“, אין 1927-8 איז זי צוריק אויף דער יידישער בינע (ליריק-טעאַטער, בראָנזוויל) און 1928-29 שפּילט זי אין באָסטאָן.

ש. ע.

זינגער, גוטשאַ

[געב. בערך 1864[?] — געשט. 1901[?]]

געבוירן בערך 1864 אין שעראַדז, פּוילן. שוועסטער פון אַדעלאַ זינגער, מיט וועלכער זי איז אַרויסגעטראָטן אין טערצעט און זיך אָפּגעטיילט פון איר ערשט נאָך אַדעלאַס חתונה. ז. איז אויפגעטראָטן אין באַלטימאָר, אַמעריקע, אַלס סוברעטין אין יידישן טעאַטער, איז שפּעטער צוריקגעפאָרן קיין ענגלאַנד, וואו זי איז אויפגעטראָטן אַלס טענצערין אויף דער ענגלישער בינע. דערנאָך געשפּילט אין פּאַריז, וואו זי האָט חתונה

געהאַט מיט אַ סוחר פון פּוטערוואַרג און איז דאָרט געשטאָרבן בערך 1901.

מ. ע. פון יוליוס פּראַנד און עליאַס ראָטשטיין.

זינגער, יוסף

געבוירן 1885 אין אַדזוד, רומעניע. עלטערן — סוחרים, וועלכע טראָגן זיך אַריבער קיין פּלאָישעט. געענדיקט אַן עלעמענטאַר-שול. אונטערן רושם פון אַ פאָרשטעלונג ביי סעגאַלעסקאָ אָרגאַניזירט ז. אַ גרופּע יונגעלייט, מיט וועלכע ער פירט אויף גאָלדפאַדענס „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאַ" און פאָרט מיט זיי אַרום איבער דער פּראָווינץ. שפּעטער ווערט די גרופּע רעאָרגאַניזירט אַלס אַ מוזיקאַלישער פאַריין א'נ „דער יידיש-רומענישער געזאַנגס-פאַריין", וואו ז. איז פּאָרזיצער.

בעת דער מאַסן-עמיגראַציע קיין אַמעריקע שליסט זיך אָן ז. אָן דער גרופּע, וועלכע וואַנדערט צופוס. אָנקומענדיק אין דרעזדען, אָרגאַניזירט ער דאָרט אַ יידישע וואָדעוויל-פאָרשטעלונג מיטן אַנטייל פון אייניקע עמיגראַנטן און לאָקאַלע כחות.

אין ניו-יאָרק האָט ז. אַ קורצע צייט געזונגען אין די וויינקעלערס, דערנאָך האָט ער געשפּילט אין פּראָווידענס ביי סאַמאָלעסקאָ און שפּעטער אין ניו-יאָרקער לייסעאום-טעאַטער ביי דזשאָו טאָמאַשעווסקי. ז. פאָרט דאַן קיין מילוואָקי, וואו ער גרינדעט די דאָרטיקע יידישע דראַמאַטישע געזעלשאַפט, מיט וועלכער ער שטעלט פון צייט צו צייט פאָרשטעלונגען, ביז ער טרעט אַריין אין דער טרופּע פון בעני שענגאָלד און פרוי. נאָכן שפּילן דאָרט אַ געוויסע צייט, גייט ז. איבער אין דער טרופּע פון אַדאָלף גערטנער, וואו ער שפּילט 2 יאָר און ציט זיך צוריק פון דער בינע.

מ. ע.

זינגער, ישראל-יהושע

געבוירן 30 נאָוועמבער 1893 אין בילגאָריי, לובלינער גוב. פּוילן. פאָטער — רב. ביז 17 יאָר געלערנט אין ישיבות, קיבוצים און בתי-מדרשים. בגנבה געלייענט העברעאישע און יידישע ליטעראַטור. שפּעטער געוואָרן אַן עקסטערן, אַרבעטנדיק ביי פאַרשיידענע מלאכות. אין 1915 דעביוטירט ז. אין דער יידישער פּרעסע און ווערט דערנאָך איינער פון די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער אין פּוילן.

ז. האָט פאַרעפנטלעכט „ערד-ווײ", אַ דראַמע אין 3 בילדער (פ'ג „קולטור-ליגע", וואַרשע, 1922, 52 ז. 16°) און האָט איבערזעצט זשולאַווסקיס „דער סוף פון משיח" א"נ „שבתי צבי" (פ'ג „די צייט", וואַרשע 1921), וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן דורכן וויק"ט אין וואַרשע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 1084-1087.

זינגער, פישל

געב. 4 סעפּט. 1887 אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — אַ קרעטשמער. געלערנט אין חדר און 4 קלאַסן אין דער שטאָטישער שול.

אין עלטער פון 13 יאָר געקומען אין אַמעריקע, באַזוכט יידיש טעאַטער און באַקומען אַ נייגונג צו דער בינע. אין עלטער פון 17 יאָר געשפּילט אַלס „ליבהאָבער" די ראָל „שבתי גולם" אין לאַטיינערס „פּאַרבלאָנדזשעטע נשמה".

שפּעטער ווערט ז. אַ סופלער און שרייבט „ליריק" פאַר די יידישע וואָדעוויל-הייזער, צווישן אַנדערע דעם פּאָפּולערן קופּלעט „יידל מיטן פידל", (געבויט אויף אַ ענגלישן טעקסט און מאָטיוו), וואָס ווערט געזונגען אויך אין אַנדערע שפּראַכן. דערנאָך שפּילט ער וואָדעוויל מיט געביל, נייטאַן גאָלדבערג, א. א.

ז. איז געוועזן דירעקטאָר פון מאָנומענט נײשאַנאַל-טעאַטער אין מאָנטרעאָל (2 יאָר), געפירט אַ טרופּע אין טשעלסי (2 יאָר), און אַ קליין טעאַטער אין באָסטאָן.

ער האָט אויך געשפּילט אין די ענגלישע וואָדעוויל-טעאַטערס און אַ גאַנצן סעזאָן אין דער פּיעסע „טוירן טו טהי רייט", דערנאָך אַרומגעפאָרן מיט דער פּיעסע איבער אַמעריקע. 1925 געשפּילט מיט מאָלי פּיקאָן אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער. 1926 ווידער אויף דער ענגלישער בינע, 1927-8 ביי געבילן אין פּיפּלס-טעאַטער און 1929-30 — געשפּילט אין ברוקלינער האָפּקינסאָן-טעאַטער.

ז. האָט געשריבן אייניקע פּיעסן, פון וועלכע „דאָס גאַסן-מיידל" איז אויפגעפירט געוואָרן אין געוועזענעם קאָמעדיע-טעאַטער אין ניו-יאָרק (סאַפאָלק סטריט).

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 270.

זינגערמאַן, בערטאַ

געבוירן אין פּינסק, פּוילן. איר פאָטער — אַ מכניס-אורח פון אַקטיאָרן, פלעגט אַליין מיטשפּילן און האָט אַ צייט געזונגען אין כאָר ביי פּישזאָן. אַזוי אַרום האָט ז. פון קינדווייז אָן זיך געפונען אין דער סביבה פון אַקטיאָרן. אַרויסווייזנדיק באַזונדערע פעאיגקייטן פאַר דעקלאַמאַציע.

ז.'ס עלטערן עמיגרירן קיין אַרגענטינע מיטן צוועק זיך צו קאָלאָניזירן אין באַראָן הירשעס אַ קאָלאָניע. אָבער אָנקומענדיק אַהין שטעלט צונויף ז.'ס פאָטער אַ טרופּע פון אַקטיאָרן און „ליבהאָבער" אין וועלכער ז. הייבט אָן שפּילן קינדער-ראָלן און גייט דערנאָך איבער צו דערוואַקסענע ראָלן.

נאָכן שפּילן אייניקע יאָר יידיש טעאַטער אין בוענאָס-איירעס און אין דער פּראָווינץ, טרעט ז. אַריין אין אַ דראַמאַטישער שול, וואו זי באַטייליקט זיך אין די שול-פאָרשטעלונגען און ציט אויף זיך באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אַלס דעקלאַמאַטאָרקע. אַ קורצע צייט דערנאָך טרעט ז. אַרויס אויף שפּאַניש אין זעלבסטשטענדיקע „וואָרט-קאָנצערטן" איבער אַרגענטינע און אַנדערע

שפּאַניש-ריידנדיקע לענדער, וואו זי ווערט שטאַרק פּאָפּולער אַלס איינציקע אויף איר געביט.

ל. מלאך — בערטהאַ זינגערמאַן, די אידישע קעניגין פון סאַוט אמעריקא, „דער אַמעריקאַנער“, נ. י. 25, 1927.

[—] באַרימטער שפּאַנישער שריפטשטעלער כוליא דאנטאס וועגן דער אַרטיסטין בערטאַ זינגערמאַן, „ליטב“ל“, 108, 1926.

ש. קאַראַקושאַנסקי — בערטאַ זינגערמאַן, „בראַזיליאַנער אידישע פּרעסע“, 21 אָקטאָבער 1927.

זלאַטאָגאָראָוו, יעפים

[חיים גאָלדענבערג]

געב. 14 מערץ 1894 אין קעשעניעוו. פאָטער — אַ פאַרוואַלטער אין אַ מיל. געענדיקט אין 1912 די אָרטיקע קאָמערץ-שול, געאַרבעט אַ יאָר אין אַ באַנק, געדינט אין דער אַרמעע בעת דער וועלט-מלחמה, און צוריקקומענדיק אין 1918 געוואָרן אַ סוחר פון לעבנסמיטלען, דערנאָך אַ שרייבער אין דער שטאָט-פאַרוואַלטונג, און זיך באַטייליקט אין רוסישע ליבהאָבער-פאָרשטעלונגען.

אין 1919 ווערט ג. צוליב דער קראַנקהייט פון אַן אַקטיאָר, אַריינגענומען אין ח. מ. סעגאַלעסקאָס טרופּע, און טרעט אויף אַלס „דע סאַנטאָס“ אין „אַקאָסטאַ“. נאָכן פאָרן אַ געוויסע צייט איבער דער פּראָווינץ, טרעט ג. אַריין אין דער טרופּע פון יאָנג, דערנאָך אין זשיגניצע ביי איציקל גאָלדענבערג, דאַן ביי אשכנזי, קאַנער, מ. סעגאַלעסקאָ, איצקאָוויטש, פּיקאָן און אין מאַרקן-טרופּעס. אין 1928 שפּילט ז. ביי א. גאָלדענבערג.

ש. ע.

זלאָטשעווסקי, [?]

האָט אין 1915 אויפגעבויט אין וואַרשע, פּוילן, דאָס טעאַטער „ווענוס“ (דזשעלנאַ 4), וואו מען האָט אין מלחמה-צייט געשפּילט יידיש טעאַטער ביי די שווערסטע באַדינגונגען. ז. האָט איניקע יאָר אַליין אָנגעפירט מיטן טעאַטער.

זייט 1924 טראָגט דאָס טעאַטער דעם נאָמען „סקאַלאַ“.

מיכל וויכערט — „טעאַטער און דראַמע“, I, ז. 60.

זעווקינאַ, אסתר

[זעווקא]

געבוירן 20 פעברואַר 1900 אין אָסטראָלענקאָ, לאָמזשער גוב., פּוילן. פאָטער — פריער אַ ראש-ישיבה און אויף דער עלטער אַ מלמד אין תלמוד-תורה אין ביאַליסטאָק, וואוהין די פאַמיליע האָט זיך אַריבערגעטראָגן. געענדיקט „קאַפּלאַנס פרויען-שול“.

אַלס מיטגליד אין ביאַליסטאָקער „הזמיר“ זיך באַטייליקט אין די אויפירונגען פון דער דראַמאַטישער סעקציע. פון דאָרט ווערט ז. אַנגאַזשירט אין אַ יידישער וואָדעוויל-טרופּע און דערנאָך אין סאָקאָלאָוו „יידישער פאָלקס-טעאַטער“, מיט

וועלכן זי פאָרט אויך קיין ריגע, וואו זי בלייבט 8 יאָר, באַטייליקנדיק זיך אין די פאַרשיידענע יידישע טרופּעס, וועלכע שפּילן דאָרט במשך פון דער דאָזיקער צייט. דאָ טרעט זי אויך אַרויס איניקע מאָל אין דראַמאַטישע און אָפּערעטן-פאָרשטעלונגען אויף דייטש.

1927-28 — האָט ז. געשפּילט אין דער לאָדזשער יידישער חברים-טרופּע, דערנאָך איז זי אַרומגעפאָרן איבער דער פּוילישער פּראָווינץ און אין 1929 געשפּילט אין פּאַריז און דערנאָך אין לאָנדאָן.

ז. האָט אויך זיך באַטייליקט אין פילם „די רייזע מיט שטערונגען“.

ז. איז די פרוי פון אַקטיאָר ישראל בירנבוים.

ש. ע. פון ישראל בירנבוים.

זעלדין, אַלעקסאַנדער

געבוירן 1 אַפּריל 1882 אין לעלציץ, מינסקער גוב., ווייס-רוסלאַנד, וואו זיין פאָטער איז געווען רב און שוחט. געלערנט אין חדרים און ביי מלמדים, שפּעטער געהאָלפן דער מוטער אין מסחר. צו 18 יאָר אַוועק קיין ווילנע, וואו ער גיט זיך אָפּ מיט אַלגעמיינער בילדונג. דעביוטירט א“פ אידל גוטקינד אין פּעטערבורגער „טאָג“.

אַרום 1905 עמיגרירט ז. קיין אַמעריקע, וואו ער איז אין די ערשטע יאָרן באַשעפטיקט ביי פאַרשיידענע אַרבעטן און ווערט דערנאָך טעטיק אַלס ליטעראַט און זשורנאַליסט.

ז. האָט אין 1908 פאַרעפנטלעכט אין „פרייע אַרבייטער שטימע“ זיין איין-אַקטיקע קאָמעדיע „דאָס צעבראָכענע האַרץ“, וועלכע איז געשפּילט געוואָרן פון ניו-יאָרקער „ליט.-דראַמ.-קלאָב“. אין 1910 פאַרעפנטלעכט ער אין „ליטעראַטור“ II דעם ערשטן אַקט פון זיין דראַמע „שלמה“, וועלכע איז געשפּילט געוואָרן פון „ליבהאָבער“ און אין 1912 אין רייזענס „דאָס נייע לאַנד“ זיין איינאַקטיקע קאָמעדיע „עקסטערנעס“, וועלכע איז געשפּילט געוואָרן פון דראַמאַטישע פאַריינען אין אַמעריקע און אין לאָנדאָן.

דעם 16 פעברואַר 1918 איז דורך דער ניו-יאָרקער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע“ (לייטונג — יעקב פישמאַן) אויפגעפירט געוואָרן ז.'ס פיר-אַקטיקע קאָמעדיע „מאַן און ווייב“.

ש. ע.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 1-1100.

דר. י. וואַרטסמאַן — „מאַן און ווייב“ אויפגעפירט פון דילעטאַנטען, „דער טאָג“, נ. י., 23 פעברואַר 1918.

זעלינסקאַיאַ, העלען

געבוירן 28 יאַנואַר (א.ס.) 1894 אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אוקראַאינע. פאָטער — דיריגירט אין רוסישן טעאַטער און אין סימפאָניע-אָרקעסטערס. געענדיקט אין קיעוו די רעגירונגס-גימנאַזיע און פּראָפ. פּוכאַלסקיס קאָנסערוואַטאָריע אַלס פּיאַניסטין.

נאָך אַלס קינד פון 5 יאָר אָנגעהויבן שפּילן קינדער-ראָלן אין אַ רוסישער טרופּע א“ר פון ניקולין, שפּעטער זיך באַטייליקט אין די שול-פאָרשטעלונגען און אין 1912 אַריינגעטראָטן

אויף קליינע ראָלן אין יאַראָסלאַוול ביי דער וואָלגאַ אין דער רוסישער טרופּע פון קאַראַלי-טאַרצאָוו, וואו זי שפּילט שפּעטער אויך גרעסערע ראָלן. ביז 1921 געשפּילט אין די אנגעזעענסטע רוסישע פּראָווינץ-טרופּעס איבער רוסלאַנד, האָבנדיק דערביי די געלעגנהייט צו שפּילן מיט די באַדייטנדע גאַסטראָלירנדיקע אַקטיאָרן פון דער רוסישער בינע. 1921 — עמיגרירט קיין דייטשלאַנד און דאָרט 2 סעזאָנען זיך באַטייליקט אויף רוסיש און דייטש אין דעם מיניאַטור-טעאַטער „וואַנקאַ סטאַנקאַ", 1923 — אַרומגעפאָרן מיטן דאַזיקן טעאַטער איבער ענגלאַנד און האָלאַנד. 1924-25 — געשפּילט איבער מערב-איירעפּע אין דייטשן מיניאַטור-טעאַטער „דער גאָלדענע האַן" א"ד פון איר ברודער לעאָניד זעלינסקי.

1926 — געשפּילט אייניקע חדשים יידיש אין פּאַריז און לאָנדאָן אין וויקטאָר כענקינס יידישן מיניאַטור-טעאַטער „דער יידישער שפּיגל".

צום טעאַטער-סעזאָן 1926־1927 געבראַכט געוואָרן דורך ל. סניעגאָוו פאַר מאַקס ר. ווילנערס און יעקב בן-עמים אוירווינג פּלייס קונסט-טעאַטער אין ניו-יאָרק, וואו זי האָט דעביוטירט אַלס „דעם קאַפּיטאַנס טאָכטער" אין יעוורעאינאָווס „די שיף מיט צדיקים".

1927-1928 — זיך באַטייליקט אין יידישן קונסט טעאַטער אַלס „ראַניעווסקאַיאַ" אין טשעכאָווס „דער קארשן-גאָרטן" און 1928-29 —געשפּילט אין דער „ווילנער טרופּע" אין אינטימעד טעאַטער.

וו. האָט אין אַמעריקע זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן יידיש.

מ. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע, „מאָ"זש", נ. י., 22 אָקטאָבער, 1926.

זעלמאַן, לעאָן

געבוירן אַפּריל 1880 אין וואַרשע, פּוילן. דערצויגן ביי אַ זיידן. אַן אויטאָדידאַקט אין מוזיק, האָט ער אין 1909 אויסגעהאַלטן עקזאַמען אין וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע. 1899 — געווען אַ מיטגרינדער פון לאָדזשער „הזמיר" און פון 1906 ביז 1918 (מיט הפסקות) דיריגירט אין לאָדזשער „האַרפּע", וואו ער האָט אויך איינשטודירט פיל אייגענע קאָמפּאָזיציעס צו לידער פון יידישע דיכטער און אַראַנזשירט פיל פאָלקס-לידער. 5 יאָר איז ז. געווען אין לאָדזשער דייטשן טאַליאַ טעאַטער כאָר-זינגער און רעפּעטיטאָר. זייט 1915 איז ער פאַרבונדן אַלס דיריגענט מיטן יידישן טעאַטער אין פּוילן, פאַר וועלכן ער שרייבט פון צייט צו צייט מוזיק צו אָפּערעטן און דראַמען.

ז. האָט אַרויסגעגעבן „7 פאָלקס-לידער, באַאַרבעט פאַר געמישטן כאָר, 2 אָריגינאַל קאָמפּאָזיציעס פאַר מענער קוואַרטעט" [לאָדזש, 1928].

ש. ע.

זעלצער, דזשעני

געבוירן 16 סעפּטעמבער 1906 אין יאַסי, רומעניע. עלטערן — אַקטיאָרן, וועלכע זיינען שפּעטער אַריבער קיין בוקאַרעסט, וואו ז. האָט געענדיקט אַ 4-קלאַסיקע פאָלקס-שול און 2 קלאַסן גימנאַזיע. אין עלטער פון 4 יאָר אָנגעהויבן שפּילן קינדער־ראָלן ביי אַדאָלף סעגאַל און פון 6 ביז 11 יאָר געשפּילט קינדער-ראָלן ביי איציק גאָלדענבערג, דערנאָך איבערגעגאַנגען אויף עפּיזאָדן-ראָלן פון דערוואַקסענע. געשפּילט אין 1918 ביי קלאַראַ יאַנג אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דערנאָך מיט איר אַ סעזאָן אין רומעניע, אַ סעזאָן ביי זיגלער, 3 חדשים אין רעוויסטאַ ביי קאַנער, 1½ יאָר ביי רחל אַקסעלראַד אין טשערנאָוויץ, שפּעטער אין דער דייטשער קליין-קונסט-בינע „קאָלאָסעאום", 6 חדשים מיט קאַנאַפּאָוו אין בוקאַרעסט, אַ סעזאָן אין דער יידישער אָפּערעטע ביי עטינגער, אַ זומער־סעזאָן אין רומענישן רעוויסטאַ און אַ ווינטער-סעזאָן אין דער יידישער דראַמע ביי לידיאַ פּאָטאָצקאַ, אַ קורצע צייט מיט קאָמפּאַניעזעס יידישער אָפּערעטן-טרופּע און ווידער צוריק צום רומענישן רעוויסטאַ. ז. באַטייליקט זיך אויך אין אַ טורנע פון דער רומענישער אָפּערעטע. ווינטער 1928 האָט ז. געשפּילט אין יידישן רעווי-טעאַטער און זומער 1928 — אין דער טרופּע פון עטינגער-סעגאַל.

מ. ע.

זעצער, אברהם

געבוירן אין אָדעס, אוקראַאינע. געווען סופלער ביי אברהם גאָלדפאַדען אין רומעניע, דערנאָך ביי נפתלי גאָלדפאַדען און ישראל ראָזענבערג אין רוסלאַנד.

ווי יעקב קאַצמאַן גיט איבער, האָט ז. קוים געקענט שרייבן און לייענען יידיש און דאָך איז ער געווען אַן אויסגעצייכנטער סופלער.

מ. ע. פון ש. טאַבאַטשניקאָוו, יעקב קאַצמאַן און מישע נאַכאַמקוס.

יאַקאָב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „דיא וואַרהייט", נ. י. 30 נאָוועמבער 1916, 21 פעברואַר, 11 מערץ, 2 יוני 1917.

זשאָרזש מ.

[מאָטל אביון]

[געב. בערך 1864 — געשט. 1919]

געבוירן בערך 1864 אין בערדיטשעוו, אוקראַאינע. פאָטער — אַ פּאַרוקמאַכער, און אַ דאַנק דעם איז זש. געקומען אין באַרירונג מיטן טעאַטער און געוואָרן אַ סופלער, אָבער שוין אַ יאָר שפּעטער הויבט אָן זש. שפּילן ראָלן און בלייבט אַלס כאַראַקטער-קאָמיקער 10 יאָר אין פישזאָנס טרופּע, דערנאָך אין אַנדערע טרופּעס. 1910-12 — האָט זש. געשפּילט אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער (דיר. זאַנדבערג), וואו ער איז אויך געווען געהילף-רעזשיסער, 1914 — ביי בעזמאַן אין אָדעס און דערנאָך אין אַנדערע טרופּעס.

אין 1919 איז זש. געשטאָרבן פון גאַל-שטיינער אין קיעוו.

מ. ע. פון מנשה בודקין, כינע בראַגינסקאַ, איסר בעזמאַן און לאַזאַר פריד.

נעקראָלאָג אין „יידיש טעאַטער", וואַרשע, 1, 1921.

זשופּניק, [?]

געווען באַטייליקט אַלס סופלער און אַקטיאָר אין דער ערשטער יידישער טרופּע (לעאָן און מיראָן גאָלובאָק, ספּעקטאָר און פּרוי, באַרסקי, ראָזענבלום, באָיאַרסקי, בערנשטיין, סיימאָן און באָריס טאָמאַשעווסקי) אין ניו-יאָרק אין די יאָרן 1882-83.

מ. ע. פון באָריס טאָמאַשעווסקי.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." II, ז. 24.

זשיטקאָווסקי, וואָלאַדעק

אַ פּאָליאַק פון גאַליציע. זש. איז — לויט יעקב וואַקסמאַן — געוועןאַן אָפיציר פון דער עסטרייכישער אַרמעע. ז. האָט באַהערשט אויסגעצייכנט די יידישע שפּראַך און האָט געשפּילט ליבהאָבער-ראָלן על פּי רוב אין לאַטיינער-רעפּערטואַר אין פאַרשיידענע יידישע טרופּעס אין רוסלאַנד.

ש. ע. פון יעקב וואַקסמאַן און מ. ע. פון בנימין קאַץ.

יעקב וואַקסמאַן — קריסטן אויף דער יידישער בינע („טעאַטער-זכרונות", רעד. ז. זילבערצווייג), ווילנע, 1928, זז. 92-90.

זשעלאַזאָ, לייזער
[זשעלאַזני]

געבוירן 21 סעפּטעמבער 1877 אין ראַדזין, שעדלעצער גוב., פּוילן. פאָטער — אַ רעסטאָראַטאָר, וועלכער מוז אָפּגטן זיין פרוי צוליב זיין אַפּיקורסות. ז.'ס מוטער טראָגט זיך דאַן אַריבער קיין וואַרשע, וואוהין זי נעמט מיט איר זון, וועלכער העלפט איר צו אין גאַלאַנטעריי-געשעפט, וואָס זי עפנט דאָרט.

ז. האָט געלערנט אין חדר, בית המדרש און אַביסל למודי-חוץ. באַזוכנדיק דאָס פּוילישע טעאַטער, וואוהין ער קריגט זיך אַרונטער הינטער די קוליסן, באַקומט ז. אַ נייגונג צו דער בינע און צוזאַמען מיט זיינע חברים, די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן שפּירא און ווינער, „מאַכט ער טעאַטער" אין פּריוואַטע הייזער. דערנאָך אַנטלויפט ז. פון דער היים און פאָרט אַרום מיט „ליבהאָבער", שפּילנדיק אין „טרייפניאַק" און אין „בר כוכבא". צוריקגעקערט אַהיים, אַנטלויפט ער נאָך 2 יאָר ווידער און פאָרט אַרום כמעט אַ יאָר מיט ראַבינאָוויטשעס טרופּע, שפּעטער זינגט ער אין אַ קוואַרטעט מיט הערמאַן בערמאַן אין אַ גאָרטן אין לאָדזש, טרעט דערנאָך אַריין אין כאָר צו פישזאָן און נאָך 3 חדשים קומט אים אויס צו פאַרטרעטן אַן אַקטיאָר אין דער ראָל „יאָשקע יאָשקעוויטש" אין שאַרקאַנסקיס „דגל מחנה יהודה".

נאָכן שפּילן 4 יאָר ביי פישזאָן, ווערט ז. אַנגאַזשירט צו זאַנדבערג אין לאָדזש, וואו ער שפּילט 3 יאָר, שפּעטער שפּילט ער אין דראַמאַטישן רעפּערטואַר מיט מעערסאָן איבער רוסלאַנד, דערנאָך מיט סעם אַדלער און ספּיוואַקאָווסקי און אייניקע יאָר אין דער „פאַראייניקטע דראַמאַטישע טרופּע" א"ד פון קאַמינסקי, וואו ער ציט באַזונדערס אויפמערקזאַמקייט מיט זיין שפּילן אין גאָרדין-רעפּערטואַר.

1910 — שפּילט ז. אין לאָדזש אין דער פאַראייניקטער טרופּע א"ל פון טיטעלמאַן, דערנאָך אַ סעזאָן אין פיינמאַן-טעאַטער אין לאָנדאָן, קומט ווידער אין פּוילן, וואו ער שפּילט ביזן מלחמה-אויסבראָך מיט קאַמינסקאַ, דערנאָך אין אָדעס ביי ראַפּעל, טרעט אַריין אין אַ חברים-טרופּע און שפּעטער אין „אונדזער ווינקל" אין כאַרקאָוו, אַ קורצע צייט אויך אין לאָדזשער קאָלאָסעאום-טעאַטער און מיט סניעגאָוו איבער פּוילן, ביז ער טרעט אַריין אין דער טרופּע פון דער „ווילנער יידישע טעאַטער געזעלשאַפט" און פון דאָרט צו דער „ווילנער טרופּע" און פאָרט אין 1924 קיין אַמעריקע מיט אַזאַ טייל פון דער „ווילנער טרופּע", מיט וועלכער ער שפּילט דאָרט ביזן סעזאָן 1927. 1927-28 — שפּילט ז. אין ברוקלינער האָפּקינסאָן-טעאַטער און 1928-29 — מיט דער נייאָרגאַניזירטער „ווילנער טרופּע" אין אינטימעד-טעאַטער אין בראָנקס, ניו-יאָרק.

מ. ע.

דר. א. מוקדוני — אַלטע בעקענטע צווישן די ווילנער, „מא"זש", נ. י. 11 יאַנואַר 1924.

מ. אָשעראָוויטש — נח נאַכבוש און ל. זשעליאַזאַ אין איין ראָלע. „פאָרוו.", 21 מערץ, 1924.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו", זז. 368, 363.

חאַלאַן-חאַלאַנאָוו, [?]

אַן אָדעסער, אַן אינטעליגענט, געוועזן פון די ערשטע שוישפּילער און אויפירער אין שמ"רס טרופּע אין רוסלאַנד. ניט האָבנדיק קיין שטים, האָט ח. אַן בעזונדערן דערפאָלג, געשפּילט ליבהאָבער-ראָלן.

אין 1881-2 איז ח. געוועזן מיטדירעקטאָר און רעזשיסער אין דער טרופּע פון יאָזעף ווינשטאָק און לעאָן בערגער אין פּוילן.

אין אָנהויב פון 20-טן יאָרהונדערט איז ח. געקומען אין אַמעריקע, איז אָבער נאָך אַ קורצן אויפהאַלט צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד.

פּאַשאַ מאָשקאָוויטש, איינע פון די אָנגעזעענסטע יידישע אַקטריסעס פון 19-טן יאָרהונדערט, איז געוועזן ח.'ס שוועסטער.

ש. ע. פון יאָזעף ווינשטאָק.

חאַש, יוסף

געבוירן אין גראָדנע, פּויליש-ליטע. זיידע—געוועזן חזן און שמש. געלערנט אין אַ חדר-מתוקן. געזונגען אַלס משורר ביים חזן יאָשע סלאָנימער און נאָך אַלס קינד איינגעאָרדענט „טעאַטערס" אין פּריוואַטע הייזער אָדער אין שטאַלן. אין עלטער פון 16 יאָר געזונגען אין כאָר פון דער גראָדנער כאָרשול און פון צייט צו צייט אַרויסגעהאָלפן (הינטער די קוליסן) אין קינדער-כאָר פון גראָדנער רוסישן שטאַט-טעאַטער. 1906 — אַריינגעטראָטן אין כאָר פון ראָטשטייןס יידישער טרופּע אין יוזעפקאַ, און נאָכן שפּילן צופעליק די ראָל „יאַנקעלע" אין לאַטיינערס „דודס פידעלע", שוין פאַרבליבן אין דער טרופּע אַלס אַקטיאָר. זייט דאַמאָלט געשפּילט אין אייניקע אָנגעזעענע טרופּעס איבער פּוילן, רוסלאַנד, בעסאַראַביע און קאַווקאַז. בעת דער מלחמה געוואָרן מאָביליזירט און שפּעטער אַלס קריגס-געפאַנגענער איינגעאָרדענט דורך די קריגס-געפאַנגענע (אין עסטרייכישן געפאַנגען-לאַגער קליין-מינכען, ביי לינץ) טעאַטער-פאָרשטעלונגען אין רוסיש, פּויליש און בפרט אין יידיש. די פאָרשטעלונגען ווערן באַזוכט פון אַלע געפאַנגענע און פון די אָרטיקע אָפיצירן. דערביי ווערן די דאַמען-ראָלן געשפּילט דורך מענער, און ק. שפּילט „אסתרקע" אין „די שחיטה" און „חאַסיע" אין „די יתומה".

1918 — ווערט ח. אַנגאַזשירט אין ווילנער פאָלקס-טעאַטער א"ד פון נחום ליפּאָווסקי, מיט וועלכן ער גאַסטראָלירט אין קאָוונע און אין דער סביבה. פון דאָרט ווערט ח., צוזאַמען מיט זיין ברודער קדיש און פרוי נחמה, אַנגאַזשירט אויף גאַסטראָלן קיין ליבוי, ריגע, מעמעל, קעניגסבערג און בערלין און דערנאָך צוריק אין ווילנער פאָלקס-טעאַטער. שפּעטער האָט ח. געשפּילט אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער (דיר. לאַזאַר קאַהאַן), דערנאָך איבער דער פּוילישער פּראָווינץ און אין וואַרשע מיט אַן אייראָפּעאישן אָפּערעטן-

רעפּערטואַר אין יידיש. אין 1926 האָט ער גאַסטראָלירט אין רומעניע, בעסאַראַביע און טראַנסילוואַניע. צוריקגעקערט קיין פּוילן, גרינדעט ער צוזאַמען מיט זיין ברודער און פרוי אַן אָפּערעטן-טרופּע, וועלכע פּאָרט אַרום איבער פּוילן א״נ „די ווילנער אָפּערעטן-טרופּע“. 1928-9 — געשפּילט אין קראָקע.

אַמפּלואַ — פּאַט-קאָמיקער.

ש. ע.

חאַשקעס, משה

[געב. 1830 — געשט. 15 דעצ. 1906]

געבוירן 1830 אין ווילנע (אין ביראָוו?), פּויליש-ליטע. געלערנט אין פאַרשיידענע ישיבות, גלייכצייטיק זיך אויך אָפּגעגעבן מיט השכלה און געלערנט דערנאָך אין דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול. אין 1869 אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן ביכער אין העברעאיש און זייט 1871 געדרוקט אויך שירים אויף יידיש. ח. האָט פאַרפאַסט אויף רוסיש „דער יידישער ליטוואַק — יאָהאַן שוואַבסקי“ דראַמע אין 5 אַקטן (3-טע אויסגאַבע 1897) און אויף יידיש די דראַמע „אברבנאל“.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 1140-2.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ II, ז. 266.

חד־גדיא

דאָס ערשטע יידישע ליטעראַריש-קינסטלערישע מאַריאָנעטן-טעאַטער, געגרינדעט דורך משה בראָדערזאָן, הענעך קאָן, יצחק ברוינער און י. מ. ניימאַן אין לאָדזש, פּוילן.

די פאָרשטעלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן יאַנואַר 1922 און זיינען פאָרגעקומען נאָר אייניקע מאָל אין אייניקע שטעט פון פּוילן.

דאָס פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון סאַטירעס אויף געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישע טעמעס.

די פיגורן זיינען געווען געשניצט פון יצחק ברוינער, די טעקסטן געשריבן פון משה בראָדערזאָן און א. פויגל און די מעלאָדיעס האָט אַראַנזשירט הענעך קאָן.

חזן, חיים־אריה

געבוירן 15 יוני 1863 אין אַמדור, גראָדנער געגנט, פּויליש-ליטע. געלערנט אין חדרים און אין גראָדנער ישיבה. אונטער דער השפּעה פון דער יידישער ליטעראַטור, איבערהויפּט פון א. מ. דיקס ביכלעך, פאַרלאָזט צו 14 יאָר די ישיבה, געוואָרן אויס נויט אַ דאָרפס-מלמד און שטודירט אַליין אייניקע שפּראַכן, דערנאָך געוואָרן אַ לערער.

ח. האָט איבערזעצט די אָפּערעטן און אָפּערעס „די ווייסע ליליע“, „די נאַכט פון ליבע“ פון וואַלענטינאָוו, „גראַף לוקסענבורג“, „די פריילעכע אלמנה“ און „פאוסט“, וועלכע זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין ווילנער יידישן טעאַטער.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“ I, זז. 1142-4.